UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

15 –

אויף די חורבות
פון מלחמות און מהומות

פנקס

פון געגנט=קאָמיטעט „עקאָפּאָ"

אונטער דער רעדאקציע פון **משה שאליט**

1919 — 1930

ווילנע – תרצ"א

Jud. Germ.
55

NA ZGLISZCZACH WOJEN i ROZRUCHÓW

KSIĘGA PAMIĄTKOWA (w języku żydowskim)

Krajowego Komitetu Żydowskiego Pomocy Ofiarom Wojny „EKOPO"
w WILNIE

pod redakcją **Mojżesza Szalita**

Artykuły, samodzielne badania, materjały i dokumenty.

**Monumentalne to dzieło z dziedziny
żydowskiej pracy społecznej w latach 1919—1931**

zawiera następujące prace:

1. Czas, ludzie i praca. 2. Pomoc prawna. 3. Bezdomni i repatrjanci. 4. Opieka nad emigracją aż do powstania „Jeasu". 5. Odbudowa zniszczonych przez wojnę domów i budynków. 6. Domy ludowe (budynki szkolne). 7. Opieka nad sierotami. 8. Opieka nad emigrantami po założeniu „Jeasu". 9. Kasy „Gmilas-Chesed". 10. „Gmilas-Chesed" w Wilnie. 11. Działalność kulturalna (szkoły, bibljoteki, książnice i in.). 12. Inna pomoc (kooperatywy, rolnictwo, rzemiosło, pomoc produktywna, medyczna i indywidualna). 13. Nasze miasta i miasteczka (badania etnograficzne, statystyczne i ekonomiczne). 14. Położenie ekonomiczne miasteczek w latach 1928—1929 (wynik badań dokonanych w 63 punktach przez delegatów „Ekopo"). 15. Sprawozdania i kroniki z prowincji. 16. Wspomnienia, materjały i dokumenty. 17. Ankiety o działaczach społecznych, frekwencji dzieci szkolnych i in. (badania samodzielne). 18. Leksykon biograficzny (życiorysy, autobiografje i autentyczne materjały, odnoszące się do 106 działaczy). 19. Bibliografja (artykuły i dzieła o Wilnie i okolicy w latach 1919—1929). 20. Struktura gospodarcza Wileńszczyzny (monografja). 21. Sprawozdania finansowe. 22. W kolei czasu (fazy rozwoju do roku 1931). 23. Karykatury społeczne. 24. Z archiwum „Ekopo". 22. Dokładny indeks nazwisk i rzeczy wyszczególnionych w księdze pamiątkowej.

Współpracownicy Księgi Pamiątkowej:

H. Abramowicz, F. Antowil, Sz. An-ski, I. Bornsztejn, Sz. L. Citron, Adw. E. Gumener, H. Gurwicz, A. J. Grodzieński, A. Iwenicki, Adw. J. Jochwed, M. Jewzerow, Sz. Kahn, Rabin J. Kac, U. Klioński, Ch. Łunski, A. Pekler, Dr. C. Szabad, M. Szalit, I. Walk i w. i.

Ilustracje wykonali artyści:

M. Lejbowski, J. Lewit, J. Szer i B. Zalkind.

Księga Pamiątkowa zawiera 50 arkuszy druku wielkiego formatu, 1200 szpalt, 86 tabel, liczne ilustracje, reprodukcje obrazów, portretów i t. p.

Księga Pamiątkowa ukaże się w dwu wydaniach: 1) na papierze ilustracyjnym i oprawiona, 2) na papierze zwykłym, broszurowana.

Cena egzemplarza pierwszego wydania wynosi 45 zł., drugiego — 35 zł. Dla zawodowych działaczy społecznych, urzędników i pracowników — cena egzemplarza I. wydania wynosi 30 zł., drugiego — 20 zł., Egzemplarzy okazowych i bezpłatnych nie wysyła się; zamówienia za zaliczką wykonuje się po otrzymaniu połowy ceny egzemplarza.

Nadwyżki cen są dopuszczalne, przelewa się je do funduszu dalszej pomocy i odbudowy „Ekopo".

Adres wydawnictwa:

Krajowy Kom. Żyd. Pom. Ofiar. Wojny „EKOPO",
Wilno, ul. W.-Pohulanka 5.
Adr. telegr.: Ekopo Wilno. Telefon 626. Konto P. K. O. 80.312.

אויף די חורבות
פון מלחמות און מהומות

פנקס

פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע

(1919 — 1931)

אונטער דער רעדאַקציע

פון **משה שאַליט**

באַריכטן, אַרטיקלען, פאַרשונגען, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן

50 דרוק־בויגן

1164 שפּאַלטן + XII

23 אַרטיקלען . . . . .
18 פאַרשונגען . . . . .
106 ביאָגראַפיעס . . .
85 טאַבעלן . . . . . .
39 בילדער . . . . . .
21 רעפּראָדוקציעס . .
75 פּאָרטרעטן . . . . .
9 צייכענונגען . . . . .
ביבליאָגראַפיע . . . . .
עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק
באַריכטן, נאָטיצן, אַרכיוו־מאַטעריאַלן, אינדעקס

ארויסגעגעבן פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ"

ווילנע 1931

Copyright 1931 by
Krajowy Komitet Żydowski
pomocy ofiarom wojny „Ekopo"
w Wilnie.

Printed in Poland

Ojf di churwes fun milchomes un mhumes
t. I.
Na zgliszczach wojen i rozruchów
Pamiętniki Krajowego Żydowskiego
Komitetu Pomocy Ofiarom Wojny
„Ekopo" w Wilnie.
Wydanie tegoż komitetu.
געדרוקט אין [illegible] (1500+700) עקז.
געזעצט אין דער דרוקעריי פון די ווילנער פראד.-קאאפ.
טראקער 7 ווילנע.
געדרוקט אין דער דרוקעריי פון די בר. ראזענטאל
רודניצקער 7, ווילנע.
די קלישעס געמאכט פון ס. זאניעווסקי, גרייטע 3, ווילנע.
Składano w drukarni Sp. Wytw. Handl., Wilno, Trocka 7.
Odb.to w drukarni Br. Rozental, Wilno, Rudnicka 7.

אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות

דער פּנקס פון „יעקאָפּאָ“ — דער ערשטער און ביז אויף הײַנטיקן טאָג אײנציקער אין פּוילן ייִדישער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע ענינים פון הילף און אויפבוי — איז דער ערשטער פּרוּוו פון אַ גרעסערן ווערק אויפן געביט פון דער פּראַקטישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון אַ ברייטערן און פילזײַטיקערן פאַרנעם אין משך פון דעם לעצטן 12-יאָריקן פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה ביז איצט (פאַר אייניקע דערגאַנצונגען צו די ערשטע יאָרן קען מען זען אין דעם זשורנאַל „אונזער הילף“, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט אַרויסגעגעבן ביזן יאָר 1925). דאָס, וואָס עס האָט דערבײַ צו טאָן מיט אַ באַגרענעצטער געגנט (ווילנער-וואָיעוואָדשאַפט) — עקאָנאָמיש-שוואַכסטער און גלײַכצײַטיק געזעלשאַפטלעך-שטאַרקסטער אין פּוילן, — מאַכט נאָך בולטער און קאָנצענטרירטער די טעטיקייט, וואָס עס שילדערט. די מאַטעריאַלן, אָבער, וואָס עס ברענגט, שטייען מיט זייער אינהאַלט ווײַט איבער די גרענעצן פון דער אָנגעוויזענער געגנט און וואַרפן אַ שײַן אויף פיל זײַטן פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט בכלל און אויפן עצם כאַראַקטער פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט.

דער פּנקס גיט גלײַכצײַטיק — אַ באַריכט וועגן דער אַרבעט פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע און פּראָווינץ פאַר די יאָרן 1919—1931 (אַ טעטיקייטס- און פינאַנס-באַריכט) און אַ באַגריף וועגן די אַלע פּונקטן (שטעט און שטעטלעך), וואו די אַרבעט איז אויסגעקומען צו פירן, ווי אויך ידיעות וועגן די פּערזאָנען, וואָס האָבן די אַרבעט געפירט אָדער האָבן געהאַט צו איר אַ שײַכות.

ס׳ווערט געשילדערט ניט נאָר די אַרבעט, נאָר די גאַנצע ווילנער-וואָיעוואָדשאַפטער פּראָווינץ, — דער פּנקס איז אויף אַזאַ אופן דאָס ערשטע ייִדישע בוך וועגן דער געגנט. פּונקט ווי אין אים ווערן פאַרעפנטלעכט דער ערשטער פּרוּוו פון אַ ביאָגראַפישן לעקסיקאָן אויף ייִדיש פון געזעלשאַפטלעכע טוער, פון אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור, פון אַ ביבליאָגראַפיע, פון אַ ריי פאָרשונגען אויפן יסוד פון זעלבשטענדיקע מאַטעריאַלן און אַנקעטעס, דורכגעפירט פון איבער הונדערט אייגענע קאָרעספּאָנדענטן און פאַרטרעטער אויף די ערטער אָדער דורך באַפולמעכטיקטע פון קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“.

בכלל זײַנען אַלע מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געבראַכט אין פּנקס, ווערן פּובליקירט צום ערשטן מאָל. דאָס זעלבע איז וועגן די אַלע צייכענונגען, בילדער, רעפּראָדוקציעס, פּאָרטרעטן, טאַבעלן און דאַטן. אין דער ביבליאָגראַפיע האָבן מיר אײַנגעפירט דעם נײַס, וואָס בײַ יעדן אַרטיקל ווערט אָנגעוויזן, חוץ די אַלע איבעריקע געוויינטלעכע דאַטן, אויך די דאַטע פון טאָג און דער חודש, וואָס גיט די מעגלעכקייט תיכף זיך גענוי צו אָריענטירן אין דער צײַט. חוץ דעם געוויינטן אינהאַלט (תוכן הענינים) איז אויך געבראַכט אַ ברייטער אינדעקס פון די נעמען, ערטער און זאַכן, וואָס ווערן דערמאָנט אין פּנקס.

דער פּנקס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין משך פון עטלעכע יאָר. ס׳האָט פאַרנומען פיל צײַט דאָס שטודירן די אַרכיוו-דאָקומענטן, זאַמלען די מאַטעריאַלן, דורכפירן די פאָרשונגען און באַאַרבעטן די דאַטן און ציפערן. אין משך פון דער צײַט זײַנען צוגעקומען אַ ריי אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער אַרבעט (ווי אויך אַ ריי ענדערונגען), וואָס האָבן אויך געדאַרפט געפינען זייער אָפּשפּיגלונג אין פּנקס. ניט ווייניק צײַט האָט אויך פאַרנומען די טעכנישע אויספירונג פון דעם ווערק.

בײַ דעם אַלעם האָבן ווײַט ניט אַלע „יעקאָפּאָ“-מאַטעריאַלן געקענט אַרײַן אין פּנקס. ס׳איז דערווײַל אויסגענוצט געוואָרן נאָר אַ טייל פון זיי. בײַ גינסטיקע באַדינגונגען וועט אפשר זײַן מעגלעך אַרויסצוגעבן פאַר אַ ווײַטערדיקן פּעריאָד אַ נײַעם באַנד אָדער צו פּובליקירן די וויכטיקערע איבערגעבליבענע מאַטעריאַלן און פאָרשונגען אין באַזונדערע אויסגאַבן פון „יעקאָפּאָ“.

ווילנע, אַפּריל 1931

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות

פּנקס פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאַ"

אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט

1930 — 1919

אינהאַלט:

זייט

שער-בלאַט, הקדמה, אינהאַלט . . . . I—XII

1. די צייט, די מענטשן און די אַרבעט — — — — — — — — — מ. שאַליט

די באַנײַאונג פון דער „יעקאָפּאַ"-אַרבעט אין יאָר 1919. די 7 מאַכטן אין ווילנע און געגנט נאָך דער דײַטשער אָקופּאַציע אין די יאָרן 1919—1922. די גרינדונג פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאַ" אין פעברואַר 1919. זײַנע ערשטע אַרבעטן. די אַפּריל-טעג 1919 און די יורידישע הילף. די אָקטאָבער-טעג 1920. די יורידישע אָפּטײלונג. די ווײַטערדיקע אַרבעט און די מיטלען, וואָס זײַנען געקומען פון „יעקאָפּאַ". די אַרומיקע מיטלען. דער קאָנטאַקט מיטן ד. ר. ק., יק"א, היאַס, לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט. די כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, זייער אָפּטײל אין אַרבעט און זייערע טוער. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. דער פּערזענלעכער עפּיזאָד צו דער גרינדונג פון דער וועלט-הילף-קאָנפערענץ. די אַרבעט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. די מענטשן און די צײַט. דער מצב צום יאָר 1931 . . . . 24—1

2. יורידישע הילף — — — — — — — — — — — — — אַדוו. י. יאַכוועד

רעפּאַטריאַציע. טראַנספּאָרטאַציע. עמיגראַציע. בירגערשאַפט. בירושים. אורטיילן. אָרגאַניזאַציע. רעגיסטראַציע. צירקולאַרן. אינדיווידועלע הילף . . . . 30—25

3. היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן מיט 4 בילדער און 9 טאַבעלן — — — — — — י. וואָלק

גיכע הילף. געגנט-הילף. פּראָדוקטיווע הילף. ציפערן פון רעעמיגראַנטן און אַרויסגעטריבענע. יורידישע הילף. אָנגעלעגנהייטן. די ערשטע עטאַפּן. רעקוויזיציע. טראַנזיט פון רוסלאַנד. אַ—סקי-קינדערהיים. אײַזן וועג פון קאָנ-סטרוקטיווער אַרבעט. צענטראַלע היימלאָזע-אָפּטײלונג. היימלאָזע-ביוראָען. מעדיצינישע הילף. חלוצים. פאַרשידענע אַנשטאַלטן. אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. סכה-אַקציע. דירה און האָלץ. קינדער-פאַרזאָרגונג. פּראָפּאָרציע יתומים. שול-בילדונג. אײַנאָרדענונגס-הלוואות. יחידישע און געזעלשאַפטלעכע בנינים. מעבל. אָרגאַניזאַציע-ענינים. גאַראַנטירונגען. צירקולאַרן און ציצונגען. פּראַקטישע ביוראָען און רעעמיגראַנטן-פּונקטן. מאָלאָדעטשנע. ראַקעוו. ווילייקע. גלובאָקע. דווינסק. נאָוואָ-סווענציאַן. ווילנע. סמאָרגאָן. באַזונדערשטיקטע. סטאַטיסטישע ידיעות . . . . 108—40

4. עמיגראַציע (1920—1924) מיט 6 טאַבעלן — — — — — — — — פּ. אַנטאָוויל

דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט. רעגיסטראַציעס. אַפידייוויטן. בריוו און דעפּעשן. אינפאָרמאַציעס. יורידישע אַרבעט. פּעסער און דאָקומענטן. יתומים-עמיגראַנטן. טראַנסעמיגראַנטן. שיף-געזעלשאַפטן. קרובים-געטסער. עמיגראַציע-באַגרענ-צונגען. פעקלעך קיין רוסלאַנד. סטאַטיסטישע ידיעות . . . . 126—109

5. אויפבויאונג פון די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הײַזער
מיט 12 בילדער און 9 טאַבעלן — — — — — — — — — — — י. וואָלק

ערשטע תקופה. צווייטע תקופה. די ערשטע יק"א-אַקציע. באַלעמעלכיקסטע. אײַנבוי-קאָמיטעטן. יורידישע קאָמיסיע. גאַראַנטירונגען. טעכנישע ביורא. לאָנער פון מאַטעריאַלן. גאַראַנטירונגען. לאָנדאָנער אַקציע ד. ר. ק.-היים פון-רעפּאַראַטורן. הײַזער-אײַנבוי. בנינים פאַר קינדער (פאָלקסשולן). געזעלשאַפטלעכע בנינים. אַנדערע בנינים אײַנבוי-הילף. ד. ר. ק.-קאָנ-סטרוקטיווער רעפּאַראַטורן. ערשטע אַקציע. אײַנבוי-קאָנפערענץ. צווייטע אַקציע. צווייטע יק"א-אַקציע. באַנק פאַר קאָאָפּעראַציע. בעדער. רעגירונגס-שטיצע. יורידישע הילף. ליקווידאַציע-פּלאַן. סטאַטיסטישע ידיעות . . . . . 180—127

6. פאָלקסהײַזער (בנינים פאַר פאָלקסשולן) מיט 10 בילדער און 8 טאַבעלע — מ. שאַליט

סמאָרגאָן. קרעווע. ווירז. ווישנעווע. קאַרעליטש. ליובטש. האָראָדישטש . . . . 202—181

7. יתומים-פאַרזאָרגונג מיט 8 בילדער און 5 טאַבעלן — — — — — — א. קליאַנסקי און מ. יעווזעראָוו

ערשטע תקופה. צענטראַלער אינטערנאַט אין ווילנע. אינטערנאַטן אויף דער פּראָווינץ. נאָוואָגרודעק. לידע. איוויע. שטעמנע. ערב דער אַמעריקאַנער. יתומים-קאָנפערענץ. אַף-בילדונג. שול-בילדונג. אויסהאַלטונג. מעדיצינישע הילף. זומער-קאָלאָניעס און סאַנאַטאָריעס. הילף פאַר מלחמה-אַלמנות. דער ווײַטערדיקער מצב און גרינדונג פון יתומים-פאַרבאַנד. קאָמונאַלע הילף און זאַמלונגען. באַראַנאָוויטש—סלאָנימער ראַיאָן. דער מצב פון דער יתומים-אַרבעט אין די לעצטע יאָרן. סטאַטיסטישע ידיעות . . . . 279—202

זייט

8. עמיגראציע-ארבעט זינט דער גרינדונג פון „יעאס" (1925—1929) מיט 10 טאבעלן — י. וואלק
די ערשטע תקופה און צפון-אמעריקע אלס דער וויכטיקסטער עמיגראציע-צענטער. נייע אימיגראציע-באגרענעצונגען. דער עקאנאמישער קריזיס און די ארץ-ישראל-עמיגראציע. די צווייטע תקופה. גרינדונג פון „יעאס" אין פוילן. די ארבעט פון דער ווילנער אפטיילונג פאר די יארן 1925—1926. נייע קוואטעס און שוועריקייטן. צפון-אמעריקע, קאנאדע, רוסלאנד, ארגענטינע. מעשה האנדוראס אין יאר 1928. די עמיגראציע קיין בראזיליע און דרום-אפריקע אין די יארן 1928—1929. קובע, מעקסיקע, שפאניע. די אלוועלטלעכע עמיגראציע-פאראייניקונג „היקעם". לאנדווירטשאפטלעכע צוגרייטונג פון עמיגראנטן. שפאר-קאסן. הלואות אויף קויפן שיפסקארטעס. צווישן קרובים. „יעאס"-צענטראלע אין ווארשע. דער מלוכהשער עמיגראציע-אמט אין פוילן. סטאטיסטישע ידיעות 303—280

9. גמילות-חסדים-קאסעס מיט 2 בילדער און 2 טאבעלן — מ. שאליט
קרעדיט-הילף און קאאפעראציע. די פארארבעט אין יאר 1926. אנקעטע וועגן דער עקאנאמישער לאגע. די גרינדונג פון די גמ"ח'ן. די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון די גמ"ח'ן. די יסודות פון דער ארבעט אין די גמ"ח'ן. סטאטיסטישע ידיעות 322—304

10. די גמילות-חסדים אין ווילנע מיט א בילד — ח. לונסקי 330—322

11. קולטורעלע טעטיקייט — מ. שאליט
1. די ערשטע פרינציפן. 2. די אנטוויקלונג פון דער שול-נעץ. 3. דער לערער-צוזאמענפאר (1—3 אפריל 1921). 4. די פעדאגאגישע קורסן. 5. פרעבל-קורסן, שפילפלעצער-קורסן, קורסן פאר קאאפעראציע, פאליטעכנישע קורסן. 6. די אנטא-קאלער שול. 7. די גרינדונג פון ביבליאטעקן און די אנטוויקלונג פון דער ביבליאטעקן-נעץ. 8. דער ביכער-לאגער. 9. סובסידיעס פאר פארשיידענע קולטור-אנשטאלטן. 10. דער זשורנאל „אונזער הילף" 345—331

12. פארשיידענע מינים הילף — מ. שאליט
1. קאאפעראציע — קרעדיט, געברויך, פראדוקציע, איינקויף. 2. לאנדווירטשאפט, קאלאניעס, פערמעס, ווריעה. 3. פראדוקטיווע הילף, פראפעסיאנעלע שולן, מלאכה. 4. מעדיצינישע הילף, מעדיקאמענטן לאגער, אמבולאר-מעדיצינישע ברעשורן, מעדיציניש-סאניטארע-צענטראלע, קאאפעראטיווע אפטייק, שוועסטער-שול, הייל-אנשטאלטן. 5. אינדיווידועלע הילף. 6. פארשיידענע הילפס-ארבעטן און סובסידיעס, פילאנטראפיע און אויפבויאונג. 7. באשפייזונג פון שול-קינדער, הילפס-אקציע פאר אפגעברענטע שטעטלעך אין יאר 1929 360—346

13. אונזערע שטעט און שטעטלעך (עטנאגראפישע, סטאטיסטישע און עקאנאמישע פארשונגען):
1) א ליטווישע שטעטל (אין ציפער און לעבן) — ה. אבראמאוויטש 383—361
2) ווארניאן (א שטעטל וואס איז אפגעקייקט געווארן פון טריק) — ש. כהן 396—383
3) נאוואגרודאק (די וואיעוואדישע שטאט) מיט 6 בילדער — א. גומענער 410—397
4) זשעטל (אמאל און איצט) מיט 5 בילדער — א. אייווענציקי 428—410
5) פון זשעטלער נאענטסטער פארגאנגענהייט מיט א בילד — י. וויניעצקי 430—428
6) זשעטלער פאלקלאר 433—430
7) אלקעניק (א שטעטל מיט לעגענדעס) — ח. לונסקי 443—433
8) ראקאוו (א שטעטל ביים ברעג ים) — א. סטאראבין 448—443
9) רודזישעק (א יונגע שטעטל) — ח. לונסקי 451—448

14. די עקאנאמישע לאגע פון די שטעטלעך אין יאר 1928—1929 (אויספארשונגען אויף די ערטער פון דעם באפולמעכטיקטן פון „יעקאפא" ש. כהן).
אינצאלינע, איווע, אישישאק, אסטראווייעץ, ארלאווע, אשמענע, באלשאן, בארענאוויטש, בודסלאוו, ביטען, בעליצע, גלובאקע, דווילאוויטש, דאיגעלישעק, דובינאווע, דרויסק, דעוועניסעק, האלוביטש, הארודזיי, הארעדישטש, הערמאנאוויטש, וואראנאווע, ווידז, ווילייקע גרויס, ווילייקע ניי, זאסקעוויטש, טיראשנט, טראק, לאנדווארעווע, לידע, לינגמיאן, ליפנישעק, לעבעדעווע, מיאדל, מיאר, מאלאדעטשנע, מאלטשאד, מייטשעט, מיכאלישעק, מיר, ניי-סווענציאן, ניי-פאהאסט, סאל, סוויר, סווענציאן, סוועריזשען, סמאלעווי, סמארגאן, פארבערעזע, פאדבראדז, פאלאנקע, פאסטאווי, פארפיאנאווע, קאבילניק, קוזיאן, קארעליטש, קורעניעץ, קימעלישעק, קראסנע, ראדון, ראקישאנקע, ראדאשקאוויטש, שטשוטשין 502—451
אלגעמיינער סך-הכל 504—502

15. פראוווינץ-באריכטן און זכרונות:
1) דער אנהויב פון דער אויפבוי-אקציע אין נאוואגרודקער ראיאן — ש. כהן 521—505
2) נאוואָ-סווענציאן אין די יארן 1915—1925 — ה. גורוויטש 539—521
3) מעשה ראקאוו — ר. סטערניק 548—539
4) אין א גרעניץ-פונקט פאר היימלאזע אין דער צייט
פון דער ליטווישער הערשאפט — ח. חזאן 551—548
5) אונטער דריי מאכטן — ש. כהן 566—531
6) רשימה פון די פונקטן פון נאוואגרודקער וואיעוואדסטווע,
וואו „יעקאפא" האט געפירט זיין טעטיקייט 567—566
7) אייניקע מאמענטן פון דער יתומים-ארבעט אין ווילנער געגנט — א. גומענער 572—568
8) רשימה פון די פונקטן פון ווילנער וואיעוואדסטווע,
וואו „יעקאפא" האט געפירט זיין טעטיקייט 573—572

זייט

16. ערינערונגען, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן:

1) דער אָנהויב פון „יעקאָפּאָ“ (גלעטלעך ובחונות) — — — — ד״ר צ. שאַבאַד 574—602

2) דער ערשטער האַלבער יאָר (16 פעברואַר — 1 סעפּטעמבער 1919)
מיט אַ בילד — מ. שאַליט 602—612

3) דער אַדרעס פון „יעקאָפּאָ“ צום ד. ד. ק. אין סעפּטעמבער 1919 מיט אַ בילד 613—615

4) ווי אַזוי מיר האָבן אין יאָר 1919 געבראַכט קיין ווילנע
אַ פּערטל מיליאָן דאָלאַר הילפסגעלטער מיט אַ רעפּראָדוקציע — מ. שאַליט 616—621

5) פון סעפּטעמבער 1919 ביז מערץ 1924 מיט אַ בילד — — מ. שאַליט 622—636

6) רשימה פון די דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט
אין די דריי געגנט-קאָנפערענצן פון „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע 637—639

7) פון דער מאַרטירער-עפּאָפּעע אין אַ קליין שטעטל — — הרב י. קאַץ 640—661

8) ציבראָכענע לוחות און אָפּגעפליגענע ווערטער (מאַנוסקריפּטן)
מיט דער פאַקסימילע פון כתב-יד און אַ רעפּראָדוקציע — — — — ש. אַנ-סקי 661—666

9) ש. אַנ-סקי אַלס מיטגליד פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“
אין ווילנע מיט 2 פּאָרטרעטן — מ. שאַליט 667—672

17. אַנקעטעס:

1) אַנקעטע וועגן כלל-טוער פּראָפעסיאָנאַלן מיט 30 באַאַרבעטע ענטפערס — מ. שאַליט 673—685

2) אַנקעטע וועגן דער צאָל קינדער אין די שולן פון ווילנע
און געגנט אין לערן-יאָר 1929—1930 מיט 9 טאַבעלן — — מ. שאַליט 685—703

3) פאַרשיידענע אַנדערע אַנקעטעס 703—705

4) צו דער אַנקעטע וועגן לאַנדווירטשאַפט אין יאָר 1919 706—708

18. ביאָגראַפישער לעקסיקאָן (ביאָגראַפיעס, אויטאָביאָגראַפיעס,
אויטענטישע מאַטעריאַלן) מיט 69 פּאָרטרעטן — מ. שאַליט

אַבאָוויטש מ., אבראַמאָוויטש ה., אונגער ל., אונגער ע., איוועניצקי א., אַלטער ל., אַנטאָוויל פ., אַראָנאָוויטש נ., אָקין י.,
באַגען ב., באַרנשטיין י., בענדוסאַמין א., בערנשטיין דובאַן, בערנשטיין דעוטעמס, בערנשטיין י., בערקענהיים א.,
בריק ח., בריזאַנסקי י., גאָלאָמב י., גאָלדין א., גאָלדמאַן א., גאָלדע סעליס, גאָלדע כסטאַניסלאַוו, גומענער א., גירדוס י.,
גירזשיבס ר., גיסטערמאַן י., גערנעל נ., גראָדזענסקי חיים עוזר, דובין ש. ח., דאָמעראַצקי א., דיזשור א., הירשפעלד א.,
העלד א., העלד ל., וואַפּנער נ., וואַלק י., וואַילמאַן ל., ווינאַרסקי י., וויזענבערג וו., ווילענטשיק י., זויקטאַראַוו ש.,
ווערטהיים א., זאַקהיים ל., זילבערפאַרב מ., זילבערשטיין א., זלאַטקין ג., טשאַרני ד., טשערניצקאָוו א., טשערניכאָוו י.,
יאַבעלמאַן ד., יצחאָווסקי ס., יאַנאָווסקי י., יעוזעראָוו מ., כהן בערנאַרד, כהן ברוך, כהן שלום, כאַרלאַש י., לאַנגבאַרד א.,
לונסקי ח., ליאַקערמאַן ש., ליובאָשאַנסקי י., לעוואַנדע ו., לעווינסאָן א., לעווין-עפּשטיין א., לעשטשינסקי י., מאַזור א.,
מאַרכאַן עמיל, מיקאָסי ב., מעכאַניק י., נייסטאַט ל., סאָקאָלאָווסקי ז., סטאַראָבין א., סעגאַל ב., סענאַטאָר וו.,
עליאַשבערג ג., עלקין מ., ענדעלמאַן מ., עפרויקין י., פאַרליסעווסקי א., פינקעלשטיין ע., פּראָוואַלסקי א., פריד ש.,
קאַפּלאַנער א., קאַן י., קליאַנסקי א., קלאַפּטען צ., קלימעל מ., קלעבאַנאָוו א., קרוק א., קריינין מ., ראַבינאָוויטש ר.,
ראַזאָווסקי י., רודניצקי א., רובינשטיין י., שאַגאַל ז., שאַצקעס מ., שווייצער ר., שווייצער ז., שטראַשון י., שיחור א.,
שליונער א., שליונער מ., שניאורסאָן מ., שפּילבערג ל., שערעשעווסקי ר. 709—948

19. ביבליאָגראַפיע (אַרטיקלען און ביכער וועגן ווילנע און פּראָווינץ אין די יאָרן 1919—1929) — א. פּעקלער

1. מלחמה-יאָרן, עוואַקואַציעס און מהומות. 2. די פּראָווינץ אין די נאָך-מלחמה-יאָרן. 3. די עקאָנאָמישע לאַגע. 4. קאָאָפּעראַציע. 5. אַמעריקאַנער הילף. 6. דזשוינט, היצעם, יק״א. 7. „יעקאָפּאָ“. 8. סאַניטאַר-מעדיצינישער מצב. 9. קולטור-ענינים. 10. פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, מלאכה און לאַנדווירטשאַפט. 11. קהילות. 12. נעקראָלאָגן 949—984

20. צו דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון ווילנער געגנט מיט 32 טאַבעלן — י. באַרנשטיין

וועגן די מעגלעכקייטן צו פאַרגלייכן דעם מצב איצט און פאַר דער מלחמה. כמות און באַפעלקערונג. באַפעלקערונגס-באַוועגונג אין די לעצטע צען יאָר. עמיגראַציע. פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. פּראָצענטועלע סטרוקטור. פון וועלכע פּראָפעסיעס לעבט די באַפעלקערונג. אינדוסטריע. צאָל אויסגעקויפטע הענדלס- און אינדוסטריע-פּאַטענטן. לאַנדווירטשאַפט. גרונט-רעפאָרם. אַנטייל פון יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט. איבערבאַפעלקערונג אין דאָרף. ווילנער געגנט אַלס פּאַסיווער פינאַנס-ראַיאָן אין פּוילן. קאָנסומציע. וועגן דער אָרעמקייט אין ווילנער געגנט. ליטעראַטור 985—1038

21. פינאַנסיעלע באַריכטן (1919—1930):

1) געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ 1039—1053

2) ווילנער „יעאָס“ (עמיגראַציע-אָפּטיילונג ביי „יעקאָפּאָ“) 1054—1059

3) ביכער-לאָנער „ייקאָפּאָ“ 1060—1068

22. אין משך פון דער צייט (גלגולים. מצב צום יאָר 1931) — — — — — מ. שאַליט ווייס
אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער אַרבעט. אירע פּראָדוקטיווע פאָרמען. די קאָאָפּעראַטיווע נעץ. ערשטער באַלאַנס פון דער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק אין ווילנע און אירע בײַראַטן. די ליקווידאַציע פון דער איבערבויאונגס־אַקציע פון די חרוב־געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער. די אַרבעט פון יתומים־פאַרזאָרגונג צום יאָר 1931. די אַרבעט פון די גמילות־חסדים־קאַסעס. די באַציִונגען מיט די ד. ד. ק.־פאַרטרעטער אין וואַרשע. דער שווערער יאָר 1930 פאַר דער עמיגראַציע־אַרבעט. דאָס כּלימן דרוק־פאַבריק. די איבעריקע באַגרענעצונגען. סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער עמיגראַציע־אַרבעט פון ווילנער „יעאָס" בײַ „יעקאָפּאָ" אין יאָר 1930. דער עמיגראַציע־סינדיקאַט. די ירידה פון דער געזעלשאַפטלעכקייט אין אירע פאָרמען אין יאָר 1930. דער מצב פון יתומים אין פּאַניק צום יאָר 1931. די עקזעקוטיוו־מיטגלידער און מיטאַרבעטער פון „יעקאָפּאָ". דער פּערסאָנאַל. איינציקע כּל־הכּל'ען . . . . 1069—1083

23. געזעלשאַפטלעכע קאַריקאַטורן מיט 6 רעפּראָדוקציעס — — — — — קינסטלער י. שער
1) אַ באַקאַנטע לויה (נאָך דער ליקווידאַציע פון דער אַמעריקאַנער שטיצע); 2) די לערער האָבן באַקומען אַ טראַנספּאָרט אַמעריקאַנער זאַכן...; 3) ביזנעסישער אָרקעסטער (ווען ס'ניידט די סובסידיעס); 4) מיטל־ליסע בײַם אויסגאַנג; 5) צוליב דעם רעזשיס מאַכט „פּוץ" און אַטראַקציע איבער דער ווילנער געזעלשאַפט; 6) די תּליה (לכּבוד פּורים האָט מען איינגעהאַנגען אַ רײַ ווילנער כּלל־טוער...) . . . . 1084—1092

24. פון „יעקאָפּאָ"־אַרכיוו:
1) דער פּנקס פון „שוקדי מלאכה" אין נאָוואָגרודאָק מיט 2 רעפּראָדוקציעס . . . . 1093—1101
2) דער הונגער אין ווילנער פּראָווינץ אין יאָר 1929 . . . . 1102—1113

25. פּערזאָנען, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן דער אַרבעט פון „יעקאָפּאָ" . . . . 1114—1116

26. אינדעקס פון נעמען, זאַכן און ענינים, וואָס ווערן דערמאָנט אין פּנקס פון „יעקאָפּאָ" (לויטן א״ב) 1117—1143

טאַבעלן

I. טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ":

1. אַלגעמיינע צאָל רעפּאַטריאַנטן און היימלאָזע (1919—1924) . . . . 103—105
2. היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן לויט דער באַשעפטיקונג . . . . 103—105
3. צאָל רעפּאַטריאַנטן און היימלאָזע באַזונדער . . . . 103—105
4. פּראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד פון די היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן אין די יאָרן 1919—1924 . 103—105
5. פּראָצענטועלע פאַרהעלטעניש פון די באַשעפטיקונגען פון די היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן . 106—108
6. געשלעכט פון די היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן . . . . 106—108
7. איינאָרדענונגס־הלוואות פאַר רעפּאַטריאַנטן (1921—1923) . . . . 106—108
8. מגורשים (1923) . . . . 106—108
9. אַרויסגעגעבענע זאַכן און פּראָדוקטן פאַר היימלאָזע, רעפּאַטריאַנטן און מלחמה־יתומים אין די יאָרן 1919—1924 . . . . 106—108
10. רעגיסטראַציעס פון עמיגראַנטן־משפּחות (1920—1924) 111
11. געלט־אויסצאָלונגען פון אַמעריקאַנער־קרובים דורך ווילנער „היאַס" בײַ „יעקאָפּאָ" (1921—1924) . 119
12. אַלגעמיינע צאָל עמיגראַציע־פּעטענטן (1921—1924) . . . . 124—126
13. געשלעכט פון די עמיגראַציע־פּעטענטן (1921—1924) . . . . 124—126
14. עלטער פון די עמיגראַציע־פּעטענטן (1921—1924) . . . . 124—126
15. געלט־אויסצאָלונגען פאַר עמיגראַנטן לויט דער גרויס פון די סומעס . . . . . . 124—126
16. אַלגעמיינע צאָל בּנינים (1919—1924) . . . . 172—174
17. אַלגעמיינע סומע פון די אַרויסגעגעבענע דורך „יעקאָפּאָ" געלטער אויף אויפבוי . . . 172—174
18. הייזער־אויפבוי־אַקציעס . . . . 172—174
19. פּראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד פון די בונים . . . . 172—174
20. באַשעפטיקונג פון די בונים . . . . 175—177
21. הייזער־אויפבוי אין יעדער שטעטל באַזונדער . . . . 175—177
22. געלטער, וועלכע זײַנען אויסגעגעבן געוואָרן אויף בעדער . . . . 178—180
23. אַלגעמיינע סומע אַרויסגעגעבענע פון „יעקאָפּאָ" געלטער לויט די אויפבוי־אַקציעס . . . 178—180
24. אַלגעמיינע סומע פון „יעקאָפּאָ" געלטער אין די וויכטיקערע אויפבוי־פּונקטן . . . 178—180
25. אויסגעבויטע דורך „יעקאָפּאָ" פאָלקסהייזער . . . . 185—186
26. צאָל און עלטער פון די קינדער אין „יעקאָפּאָ"־אינטערנאַט (1920) 209
27. אַלגעמיינע צאָל יתומים (1919—1929) . . . . 274—276
28. עלטער פון די קינדער . . . . 274—276
29. יתומים־הייזער און בורסעס . . . . 277—279
30. פאַך־בילדונג . . . . 277—279
31. צאָל זעלבשטענדיק־געוואָרענע קינדער צום 1־טן יולי 1929 לויט די פאַכן . . . . 277—279
32. אַלגעמיינע צאָל ווענדונגען אין עמיגראַציע־ביוראָ (1925—1929½) . . . . . . 289—291
33. עלטער פון די עמיגראַנטן (1925—1929½) . . . . 292—294
34. געשלעכט פון די עמיגראַנטן (1925—1929½) . . . . 292—294

זייט

35. פראָצענטס פון עמיגראַנטן (1925—1929½) 292—294
36. אימיגראַציע-לענדער (1925—1929½) 295—297
37. צאָל אויסגעפאָרעטע פעסער און אָפגעפאָרענע עמיגראַנטן (1925—1929½) 298—300
38. צאָל אָפגעשיקטע בריוו פון דער עמיגראַציע-אָפטיילונג (1925—1929½) 301—303
39. צאָל טעגלעכע באַזוכן אין עמיגראַציע-ביוראָ (1925—1929½) 301—303
40. אייניקע ידיעות פון עמיגראַציע-ביוראָ פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָר 1929 301—303
41. טעטיקייט פון גמילות-חסדים-קאַסעס אין „יעקאָפאַ״-ראַיאָן פאַר די יאָרן 1926—1929 316—324
42. פראָפעסיאָנעלע צוזאַמענשטעלונג פון די מיטגלידער פון די גמ״ח'ן אין „יעקאָפאַ״-ראַיאָן אויפן 1-טן יאַנואַר 1930 322—324
43. עמיגראַציע-דאַטן פאַרן יאָר 1930 1073 1074

II. פאַרשונגען:

1. כלל-טוער פראָפעסיאָנאַלן 675—676
2. צאָל יידישע קינדער אין די שולן פון ווילנער געגנט אין לערניאָר 1930/1929 688—690
3. צאָל יידישע שולקינדער אין דער שטאָט ווילנע אין לערניאָר 1930/1929 692—693
4. צאָל קינדער אין די שולן פון יש״אָ אויף דער ווילנער פראָווינץ (1930/1929) 696—697
5. צאָל קינדער אין די שולן פון „תרבות״ אויף דער ווילנער פראָווינץ (1930/1929) 697
6. צאָל קינדער אין די שולן פון צ. ב. ק. אין ווילנע אין לערניאָר 1930/1929 697—698
7. צאָל קינדער אין די שולן פון „תרבות״ אין ווילנע (1930/1929) 698
8. צאָל קינדער אין די שולן פון „תחכמוני״ אין ווילנע (1930/1929) 698
9. צאָל קינדער אין די שולן פון „חורב״ אין ווילנע (1930/1929) 698
10. די ישיבות אין יאָר 1930/1929 798—700
11. יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין יאָר 1919 706

III. ווירטשאַפטלעכע לאַגע.

1. צאָל באַפעלקערונג אין די פאָוויאַטן פון דער געוועזענער ווילנער גובערניע (לויט דער ציילונג פון דעצעמבער 1919) 988—990
2. די קאָנצענטראַציע פון דער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע קיבוצים-גרופעס (1919) 988—990
3. די באַפעלקערונג אין די פאָוויאַטן פון דער געוו. ווילנער גוב. לויט די באַזונדערע אמונות (1919) 991—993
4. וואוקס פון דער צאָל באַפעלקערונג אין ווילנער גוב. פאַר די לעצטע 60 יאָר (1857—1919) 991—992
5. פאַרקלענערונג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג (1897—1919) 993
6. וואוקס פון דער באַפעלקערונג לויט די אמונות (1857—1897) 994—996
7. פראָצענט-פאַרהעלטעניש פון די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין ווילנער געגנט (1897—1919) 994—996
8. שטערבלעכקייט און געבורטן אין ביאַליסטאָק, גראָדנע און לידע (1918) 997
9. באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג אין ווילנע אין יאָר 1919 997—999
10. יידן אויפן דאָרף און אין שטאָט אין ווילנער, בריסקער און מינסקער קרייז (1919) 999
11. די שטאָטישע באַפעלקערונג אויף די מזרח-קרעסן 999
12. יידן אין די קרייז-שטעט פון ווילנער געגנט (1897—1919) 1000—1002
13. נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוו. (1919—1928) 1003—1005
14. נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוו. (1919—1928) 1003—1005
15. באַפעלקערונגס-באַוועגונג אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטוועס אין די יאָרן 1919—1928 1006—1008
16. עמיגראַציע פון ווילנער וואָיעוו. אין די יאָרן 1926—1928 1006—1007
17. פראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג אין גראָדנער און ווילנער גובערניעס (1897) 1009—1010
18. צאָל רעגיסטרירטע האַנטווערקער (קריסטן און יידן) צום 1-טן יאַנואַר 1929 אין פוילן לויט די וואָיעוואָדסטוועס 1010—1011
19. צאָל אַרויסגעגעבענע האַנטווערקער-קאַרטעס (קריסטן און יידן) צום 1-טן יאַנואַר 1929 אין ווילנער וואָיעוואָדסטווע לויט פאַכן 1012—1014
20. צאָל אַרויסגעגעבענע האַנטווערקער-קאַרטעס (קריסטן און יידן) צום 1-טן יאַנואַר 1929 אין נאָוואָגרודקער וואָיעוו. לויט פאַכן 1015—1017
21. די הויפט-פאַכן אין פוילן לויט די רעגיסטראַציע-קאַרטעס צום יאָר 1929 1018—1020
22. די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער און ניט-יידישער באַפעלקערונג אין נאָוואָגרודקער און ווילנער וואָיעוו. (1921) 1018—1020
23. פראָצענטס אויף יעדע 100 איינוואוינער אין נאָוואָגרודקער און ווילנער וואָיעוו. און אין גאַנץ פוילן (1921) 1021—1022
24. אָפגעשטאַנענקייט פון ווילנער אינדוסטריע-ראַיאָן (1926) 1024

זייט

25. אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט איבער 20 אַרבעטער אין ווילנער אינדוסטריעלן ראַיאָן (מאַי 1926) . . . 1025—1026
26. צאָל אויסגעקויפטע פּאַטענטן דורך דער ווילנער פינאַנץ-קאַמער (1924—1930) . . . 1027
27. צאָל אויסגעקויפטע פּאַטענטן פון דער 1-טער און 2-טער קאַטעגאָריע דורך דער ווילנער פינאַנץ-קאַמער (1924—1929) . . . 1027—1029
28. צאָל קראָמען אין ווילנער געגנט (אָקטאָבער 1919) . . . 1028
28A. די אייגנשאַפטן פון ווילנער און סלאָנים-נאָוואָגרודקער ראַיאָן אין פאַרגלייך מיטן פּויזנער ראַיאָן (1925—1926) . . . 1030—1032
29. צאָל גיטער (ניט-יידישע און יידישע) אין גאַנץ פּוילן, ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוו. (1921) . . . 1031—1032
30. סטרוקטור פון די גרעסערע גיטער אין פּוילן, ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוו. (1921) . . . 1033—1034
31. אַקטיווע און פּאַסיווע פינאַנס-ראַיאָנען אין פּוילן (1926) . . . 1034—1035
32. קאָנסומציע פון צוקער (1927—1928) . . . 1035

בילדער

זייט

1–3. גרופּעס היימלאָזע . . . 59—62
4. סמאָרגאָנער רעפּאַטריאַנטן-קינדער . . . 97—98
5–10. וואוינונגען פון רעפּאַטריאַנטן ביז דער אויפבויאונג . . . 148—150
11–16. טיפּן פון אויפגעבויטע בנינים און די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה שטעטלעך . . . 157—159
17–18. פאָלקסהויז אין סמאָרגאָן . . . 188—189
19–20. פאָלקסהויז אין קרעווע . . . 190—192
21–22. פאָלקסהויז אין ווידז . . . 193—194
23. פאָלקסהויז אין ווישנעווע . . . 196—197
24. פאָלקסהויז אין קאַרעליטש . . . 196—197
25. פאָלקסהויז אין ליובטש . . . 199—200
26. פאָלקסהויז אין האָראָדישטש . . . 199—200
27. אינטערנאַט אין נאָוואָגרודאָק . . . 218—221
28–29. אינטערנאַט אין סלאָנים . . . 220—222
30. פאַך-קינדער . . . 244—246
31–32. אינטערנאַט אין אָשמענע . . . 251—252
33–34. אינטערנאַט אין לידע . . . 253—254
35. די זשעטלער יידישע יוגנט טריקנט אויס די שטעטלשע זומפּן . . . 422—423
36. ערשטע געגנט-קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" (1919) . . . 610—612
37. אַדרעס פאַר דעם ד.ד.ק. אין יאָר 1919 . . . 613—615
38. באַשייניקונג וועגן פירן גרויסע הילפסגעלטער אין יאָר 1919 . . . 616—618
39. דריטע געגנט-קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" (1924) . . . 634—636

רעפּראָדוקציעס

1. שער-בלאַט פון אַלטן פּנקס פון דער חברה גמילות-חסדים און הכנסת-אורחים אין זשעטל פון יאָר 1844 . . . 311
2. תקנות פון אַלטן זשעטלער גמילות-חסד, פאַרשריבן אין פּנקס . . . 314
3. דבורה אסתר . . . 326
4–5. נאָוואָגרודאָק – דער שלאָס-באַרג . . . 397—399
6. נאָוואָגרודאָק – אַלגעמיינער בליק . . . 400—401
7. נאָוואָגרודאָק – די גרויסע שול . . . 401—402
8. נאָוואָגרודאָק – אָ. יערע סוויטזש . . . 403—404
9. נאָוואָגרודאָק – מיצקעוויטש הויז . . . 404—405
10. זשעטל. אַלטער בית-עולם און בתי-מדרשים . . . 413—414
11. זשעטל. באָד און עלעקטרישע סטאַנציע . . . 416—417
12. זשעטל. תלמוד-תורה . . . 415—416
13. זשעטל. יידישער שפּיטאָל . . . 418—419
14. זשעטל. אריה דער קלעזמער . . . 431
15. פאַקסימעלע פון ש. אַנ-סקיס כתב-יד „צעבראָכענע לוחות און אָפּגעפליגענע ווערטער" . . . 661—663
16. צעבראָכענע לוחות (מוזיי פון דער ווילנער היסט.-עטנ. געז.) . . . 664—665
17. די לערנער פון דער גרויסער ישיבה אין דער מיר . . . 703—705
18. ארון-קודש פון זשעטלער שול . . . 1081—1083
19. סווענציאַן – נאַפּאָלעאָנס הויז . . . 1081—1083
20. שער-בלאַט פון פּנקס „שוקדי מלאכה" אין נאָוואָגרודאָק פון יאָר 1872, 1881 . . . 1093
21. עמבלעם פון „שוקדי מלאכה" אין נאָוואָגרודאָק . . . 1093

פּאָרטרעטן

1. אַדוו. א. גומצנער . . . 569
2. ד"ר צ. שאַבאַד . . . 574
3. ש. אַנ—סקי אין יאָר 1913 . . . 668
4. ש. אַנ—סקי אין יאָר 1919 . . . 671
5. ה. אַבראַמאָוויטש . . . 710
6. ל. אינגער . . . 713
7. ע. אונגער . . . 714
8. א. איוועניצקי . . . 715
9. נ. אַראָנאָוויטשי . . . 718
10. ד"ר ב. באָגען . . . 720
11. א. בענדזשאַמין . . . 722
12. י. בערנשטיין . . . 723
13. י. גאָלאָמב . . . 726
14. א. גאָלדין . . . 727
15. י. גורדוס . . . 731
16. ה. גירוויטש . . . 731
17. נ. גערנעל . . . 733
18. ש. דובין . . . 736
19. א. דיזשור . . . 738
20. ד"ר ל. וואילמאַן . . . 740
21. י. וואָלק . . . 741
22. א. ווערטהיים . . . 744
23. ב. זלאָטקין . . . 748
24. ד. כשאַרני . . . 749
25. אינזש. א. טשערניאַקאָוו . . . 751
26. אַדוו. י. טשערניכאָוו . . . 755
27. ש. יאַנאָווסקי . . . 757

זייט
28. י. יאַשונסקי 759
29. ד״ר בערנאַרד כהן 761
30. ש. כהן 764
31. ח. לונסקי 768
32. א. לעווינסאָן 773
33. א. מאַזאָר 776
34. פיל מאירסאָן 777
35. מ. מוקאָסיי 779
36. ל. נײַשטאָט 780
37. א. סטאַ־אָבין 781
38. ב. סעגאַל 782
39. ד״ר וו. סענאַטאָר 784
40. ג. עליאַסבערג 786
41. מ. עלקין 787
42. י. עזרויקין 788
43. אדוו. ע. פינקעלשטיין 791
44. הרב ש. פריד 793
45. א. קאַפּלאַנד 794
46. הרב י. קאַץ 795
47. מ. קליומעל 798
48. אינזש. א. קלעבאַנאָוו 799
49. ראשל ראַבינאָוויטש 803
50. א. רודניצקי 804
51. דוד שווייצער 807
52. זשאַק שווייצער 807
53. א. שליוגער 810
54. פאַני שליוגער 811

זייט
55. מ. שניאורסאָן 812
56. ר. שרעשאַווסקי 813
57. דזשאָן בערנשטיין 815
58. דזשעמס בערנשטיין 816
59. י. גרינפעלד 818
60. א. הירשפעלד 820
61. א. העלד 822
62. א. לעווין־עפשטיין 825
63. מ. ענדעלמאַן 827
64. א. קליאַנסקי 829
65. ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי 836
66. י. גיטערמאַן 845
67. ד״ר י. וויגאָדסקי 866
68. ד״ר ד. יאַכעלמאַן 872
69. א. פאָדליסעווסקי 884
70. ד״ר מ. קריינין 890
71. הרב י. רובינשטיין 896
72. ד״ר צ. שאַבאַד 905
73. ד״ר ל. מ. בראַמסאָן 1081
74. האַרי פישל 1082
75. פ. וולאַדעק 1083

צייכענונגען

1. הילע . . . . י. לעוויט
2–7. געזעלשאַפטלעכע קאַריקאַטורן . . . י. שער
8. קעפל פון פנקס ביי דער הקדמה . . ב. זאַלקינד
9. קעפל פון פנקס ביים אינדעקס . . . מ. לייבאָווסקי

* * *

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

מ. שאַליט

די צייט, די מענטשן און די אַרבעט

נאָך די ערשטע מלחמה-יאָרן און דעם לאַנגן פּעריאָד פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז די אַרבעט פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע באַנייט געוואָרן אין יאָר 1919.

זי האָט אָנגענומען גאַנץ אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און געפירט געוואָרן אין אַ גאַנץ אַנדערן מאַסשטאַב. צום אָנהויב אַן אָפּטיילונג פון פּעטערבורגער „יעקאָפּאָ", איז דער ווילנער געגנט-קאָמיטעט אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָליטישע געשעענישן און מיט די באַדינגונגען פון נייעם לעבן גלייך נאָך די ערשטע חדשים פון דער באַנייטער אַרבעט אַליין געוואָרן פאַקטיש אַ צענטראַל-קאָמיטעט פאַר אַ גרויסער אָפּגעשלאָסענער געגנט, וועלכער ס'איז באַשערט געווען דער טרויעריקער גורל איבערצולעבן שוין נאָך דער וועלט-מלחמה אַ ריי נייע אָרטיקע מלחמות און מהומות, פּאָגראָמען און עקסצעסן.

נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע, פאַר די דריי יאָר 1919—1922, האָט זיך אין ווילנער געגנט 7 מאָל געביטן די מאַכט און 6 מאָל זיינען געווען אויף לענגערע אָדער קירצערע צייטן פאַרשיידענע רעגירונגען און רעזשימען, אָקופּאַציעס און מלוכות.

•

די דייטשן זיינען אַריין אין ווילנע שבת יום-כפור אינדערפרי דעם 18-טן סעפּטעמבער נ. ס. 1915, האָבן פאַרטריבן די רוסן און זיך פעסט באַזעצט אויף גאַנצע 3 יאָר מיט 3 חדשים און 13 טעג. אין דער נאַכט פון 31 דעצעמבער 1918 זיינען די דייטשן אַוועק און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע ערע.

די געשעענישן האָבן זיך ווייטער אַנטוויקלט אין פאָלגנדן סדר:

1. מיטוואָך אינאָווענט דעם 1-טן יאַנואַר 1919 איז די מאַכט אַריבער צו אָרטיקע און געקומענע פּוילישע לעגיאָנערן אונטער דער פירערשאַפט פון גענ.-מאַיאָר מאָקושעצקי. די הערשאַפט האָט געדויערט 4 טעג און דעם 5-טן יאַנואַר 1919 זיינען די לעגיאָנערן אָפּגעטראָטן.

2. זונטאָג אינאָווענט דעם 5 יאַנואַר 1919 איז אַריין אין שטאָט די רויטע אַרמיי. די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די שטאָט און געגנט אין משך פון 3 חדשים מיט 2 וואָכן.

3. שבת פאַרטאָג דעם 19-טן אַפּריל 1919 זיינען אַריין די פּאָליאַקן און זיינען פאַרבליבן אין משך פון 1 יאָר מיט 2 חדשים און 26 טעג. אין דער נאַכט פון 13-טן אויפן 14-טן יולי 1920 זיינען די פּאָליאַקן אָפּגעטראָטן.

4. מיטוואָך 4 ביינאַכט דעם 14-טן יולי 1920 איז ווידער געקומען די רויטע אַרמיי און איז אָפּגעווען 3 חדשים מיט 26 טעג.

5. דעם 15-טן יולי 1920 טריט ביי טריט נאָך די באָלשעוויקעס זיינען געקומען די ליטווינער און האָבן געטיילט צוזאַמען מיט זיי די מאַכט אין משך פון דערזעלבער צייט.

6. שבת דעם 9-טן אָקטאָבער 1920 איז אַריין דער פּוילישער חיל פון גענעראַל זשעליגאָווסקי און ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די נייע מיטל-ליטווישע מלוכה, וועלכע האָט זיך געהאַלטן 1 יאָר מיט 4 חדשים און 12 טעג.

7. דעם 22-טן פעברואַר 1922 איז געוואָרן אויס מיטל-ליטע און ווילנע מיט דער גאַנצער געגנט זיינען אַריין אין באַשטאַנד פון דער פּוילישער רעפּובליק.

•

דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע איז געגרינדעט געוואָרן אין אַ באַנייטער פאָרם זונטאָג דעם 16-טן פעברואַר 1919. אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען די אָרגאַניזירונגס-זיצונג. ס'האָבן זיך אין איר באַטייליקט (לויטן א"ב): ש. אַנ-סקי, ח. וואָלט, ל. זאַקהיים, מ. יעווזעראָוו, ל. ב. יפה, ב. כהן, א. לאַנג-אָרט, מ. א. מאַדעל, אַדוו. עוזר פינקעלשטיין, ד"ר ה. קאָוואַרסקי, ד. קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי, ד"ר צ. שאַבאַד און מ. שאַליט.

מ. א. מאַדעל, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער זיצונג אַלס באַפולמעכטיקטער פון פּעטערבורגער צ. ק. פון „יעקאָפּאָ", האָט פאָרמולירט די נאָענסטע אויפגאַבן פון דעם ניי-געגרינדעטן געגנט-קאָמיטעט אין ווילנע. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דער פּעטערבורגער צ. ק. האָט געוועסט איבערגעלעבט אַ קריזיס. די ניי-געשאַפענע דעמאָקראַטישע קהילות נאָכן פאַלן פון צאַריזם האָבן געזאָלט איבערנעמען אַלע געזעלשאַפטלעכע יידישע אַרבעטן. ס'האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען עס ניט מכח. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז פאַר די געזעלשאַפטן „יעקאָפּאָ", „אָזע" און „אָרט" איז נאָך פאַראַן גענוג וואָס צו טאָן און אַז די טעטיקייט, וואָס זיי אַנטוויקלען, קען ניט געפירט ווערן מיט דעמזעלבן דערפאָלג פון אַנדערע אָדער קען בכלל ניט געפירט ווערן אָן זיי. די אַרבעט דאַרף און קען אויך ווייטער געטאָן ווערן דורך די דערמאָנטע צענטראַלע געזעלשאַפטן, טיילווייז אויך דורך „אָפּע", וועלכע האָבן צוגעפּאַסטע דערצו טוער און פאַכלייט מיט דער נויטיקער דערפאַרונג, וועלכע האָבן שוין דורכגעטראָגן אַ גראַנדיעזע טעטיקייט, האָבן אויפגעוויזן אויף אַ גאַנצע ריי ממשותדיקע אויפטוען און זיינען צילבאַוואוסט אין די געזעלשאַפטלעכע און פּראַקטישע אויפגאַבן פון דער אַרבעט, אויף וועלכע ס'האָבן געגעבן מיטלען הן די באַפעלקערונג והן די רעגירונגען. וואָס איז שייך דעם איצט-געגרינדעטן געגנט-קאָמיטעט אין ווילנע, שטייט פאַר אים קודם-כל די פראַגע וועגן דער רעעוואַקואַציע פון די היימלאָזע. ס'קען נאַטירלעך, גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן דעם, אַז די יידישע געזעלשאַפטן אַליין זאָלן אויסהאַלטן די נויטיקע אַנשטאַלטן און זאָלן פירן מאַטעריעל די גאַנצע אַרבעט. די רעגירונג גיט אויף דעם מיטלען, אָבער אונזערע פאָרשטייער מוזן זיך געפינען אין אַלע טראַנזיט-פּונקטן, מיר מוזן זיך פאַרנעמען מיט דער איינאָרדענונג פון די היימלאָזע און מיטן גרינדן שפּייז-פּונקטן, אַמבולאַטאָריעס וכדומה. די צווייטע אויפגאַבע פון דער בעפאָרשטייענדיקער טעטיקייט איז די אויספאָרשונגס-אַרבעט. חוץ דער שנעלער הילף דאַרף געזאָרגט ווערן דערפאַר, אַז די מענטשן זאָלן צוריק אויפגעבויט ווערן. דערצו זיינען נויטיק אויספאָרשונגען. די דריטע אויפגאַבע, וואָס דאַרף אָבער גלייך דורכגעפירט ווערן, איז די אָרגאַניזאַציע פּלאַנע. דער געגנט-קאָמיטעט דאַרף ווערן דער צענטער. ס'מוז פונאַנדערגעטיילט ווערן די קאָמפּעטענץ פון געגנט-קאָמיטעט און דעם שטאָטישן קאָמיטעט. דער שטאָטישער קאָמיטעט איז געבילדעט פון דער עקסיסטירנדער קאָלעגיע פון דער ווילנער קהילה. ער האָט די אויפגאַבע צו זאָרגן וועגן די היימלאָזע אין די אָרטיקע ווילנער אַנשטאַלטן אויף די מיטלען, וואָס ער דאַרף באַקומען פון „יעקאָפּאָ". די אויפגאַבע פון

געגנט-קאָמיטעט איז זאָרגן וועגן די היימלאָזע און זייער רעעוואַקואירונג, אין די טראַנזיט-פונקטן, אין דער גאַנצער געגנט וכדומה. אַלע ביודזשעטן פון דער אַרבעט הן אין שטאָט והן אין געגנט ווערן באַשטעטיקט פון געגנט-קאָמיטעט.

ד״ר שאַבאַד האָט אָנגעוויזן, אַז דער געגנט-קאָמיטעט דאַרף באַשטיין פון פּערזאָנען און פאָרשטייער, וואָס ווייסן די זאַך. ער דאַרף זיין געבויט נאָר אויפן פּערסאָנאַלן פּרינציפּ. דער ראַיאָן פון דער אַרבעט דאַרף זיין דער געביט פון ליטע.

דער שרייבער פון די שורות האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז מען דאַרף אויך צוציען פאָרשטייער פון דער פּראָווינץ.

ווייטער איז פּראָיעקטירט געוואָרן, אַז ס׳זאָלן זיין צוויי באַפולמעכטיקטע — איינער פאַר קאָוונער און איינער פאַר ווילנער גובערניע. זיי גייען אַריין אין געגנט-קאָמיטעט מיט באַראַטונגס-רעכט. די טוער פון פּראָווינץ און די אָרטיקע קהילות וועט מען צוציען צו אָרטיקער אַרבעט.

יפה האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דער גענויער פּלאַן פון דער אַרבעט וועט קלאָר ווערן אין פּראָצעס פון דער אַרבעט גופא. מען וועט אויך דאַרפן געפינען אַן אויסגלייך צווישן דעם צענטראַלן אונטערשטיצונגס - קאָמיטעט און דעם געגנט-קאָמיטעט.

נאָך אייניקע אויפקלערונגען ווערט באַשלאָסן, אַז די ווייטערדיקע דירעקטיוון וועלן שוין פעסטגעשטעלט ווערן פון אַ באַראַטונג, וואָס „יעקאָפּאָ" וועט צונויפרופן און מען טרעט-צו צו דער קאָנסטרואירונג פון געגנט-קאָמיטעט.

ס׳ווערט איינשטימיק אויסגעקליבן פאָלגנדער פּרעזידיום פון „יעקאָפּאָ": ד״ר צ. שאַבאַד — פאָרזיצער, ל. ב. יפה און ב. כהן — וויצע-פאָרזיצער, ל. זאַקהיים — נאמן און מ. שאַליט — גענעראַל-סעקרעטאַר. דער פּלענום פון געגנט-קאָמיטעט באַשטייט פון פאָלגנדע פּערזאָנען: ד״ר צ. שאַבאַד, ל. ב. יפה, ב. כהן, ל. זאַקהיים, מ. שאַליט, ש. אַנ—סקי, א. לאַנגבאָרט, ד. קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי, ע. פינקעלשטיין, ח. וואָלט. לויט דעם פאָרשלאָג פון ל. יפה ווערן נאָך קאָאָפּטירט אין געגנט-קאָמיטעט ד״ר י. בערגער און פ. אַנטאָוויל און לויט דעם פאָרשלאָג פון ד״ר שאַבאַד — נ. אָ. קאָוואַרסקי. חוץ די אָנגערופענע פּערזאָנען גייען נאָך אַריין אין געגנט-קאָמיטעט די פאָרשטייער פון די געזעלשאַפטן „אָרט", „אָזע" און „אָפּע" און די באַפולמעכטיקטע פון „יעקאָפּאָ".

גלייך נאָכדעם, אויף דער זיצונג פון 17-טן פעברואַר 1919, זיינען שוין געגרינדעט געוואָרן די געהעריקע קאָמיסיעס, ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער נאָענטסטער פּלאַן פון טעטיקייט (רעעוואַקואַציע, אויספאָרשונגען, פּראָדוקטיווע הילף), באַשלאָסן געוואָרן צו פירן די מעדיצינישע הילף בשותפות מיט „אָזע", אַרויסצוגעבן אין איינצלנע פאַלן אינדיווידועלע הילף. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן דער סדר פון אויסאַרבעטן די ביודזשעטן, די טעכניק פון ביוראָ און קאַנצעלאַריע, — און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, באַקומענדיק אויף דעם די ערשטע סומע פון פּעטערבורגער צ. ק. אין דער גרויס פון 60.000 רובל, לויט אַ רעכענונג, וואָס ד״ר שאַבאַד האָט געהאַט מיטן צ. ק. בעת זיין באַזוכן פּעטערבורג אין יוני 1918, ווען ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו סובסידירן ווילנע און ווילנער געגנט מיט 50.000 רובל אַ חודש.

די באַציאונגען מיט דעם ווילנער שטאָטישן קאָמיטעט (קאָלעגיע פון דער ווילנער קהילה) און מיט דעם צענטראַלן אונטערשטיצונגס-קאָמיטעט (פאַרקירצט — צענטראַל-קאָמיטעט, געגרינדעט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ז. „ווילנער זאַמלבוך" II) האָבן מיט דעם ערשטן אָנגעהאַלטן אַ געוויסע צייט און מיט דעם צווייטן בלויז אַ פּאָר מאָל, ווייל פאַקטיש האָט געאַרבעט בלויז דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ", צו וועלכן ס׳איז אַריבער די גאַנצע טעטיקייט. דער צענטראַלער אונטערשטיצונגס-קאָמיטעט האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן און די קאָלעגיע פון דער קהילה האָט דערפילט נאָר אייניקע תמיכה-פונקציעס פון אָרטיקן כאַראַקטער. פאַר די דאָזיקע נייטן האָט איר דער געגנט-קאָמיטעט אויך אויסגעטיילט אַ געוויסע סומע. אַזוי האָט זיך געצויגן ביז פּסח תרע״ט.

פאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד צייט (מיטן פעברואַר — מיטן אַפּריל 1919) האָט שוין דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אַנטוויקלט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע טעטיקייט, ביי זייער שווערע באַדינגונגען. אין די 2 חדשים האָט ער דורכגעפירט אַ רעעוואַקואַציע פון עטלעכע הונדערט היימלאָזע. אין איין חודש מערץ האָט ער רעעוואַקואירט 185 היימלאָזע אָדער 35,6 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל 519 היימלאָזע, וואָס זיינען געווען צו יענער צייט פאַררעגיסטרירט אין קאָמיטעט. די רעעוואַקואַציע איז געגאַנגען אין די ריכטונגען צו קאָוונע און גראָדנע און אויף די וועגן ווילקאָמיר—קאָשעדאַר מיט פורן, אָדער מיטן באַן קיין נאָוואָ-סווענציאַן און פון דאָרט מיט פורן קיין פאַנעוועזש — יאַנאָווע — שאַדאָווע א. אַ. וו. אַנדערע זיינען רעעוואַקואירט געוואָרן אויך צופוס. סוף פעברואַר איז אָנגעקומען פון האָמעל אַ נייער טראַנספּאָרט פון 144 היימלאָזע. אין ווילנע זיינען די היימלאָזע געווען קאָנצענטרירט דער עיקר אין דער יונקער-שול אויף זאַקרעט, אָבער אויך אין די קלויזן, אויפן וואָקזאַל און אַנדערע ערטער. די רעעוואַקואַציע גופא איז צוגעגאַנגען זייער שווער און אַפילו לעבנסגעפערלעך און האָט געקאָסט פיל ענערגיע און מיטלען. ווייל קיין אייגנטלעכע קאָמוניקאַציע-וועגן, חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, זיינען נאָך דאַן ניט געווען און די ליטווישע אָדער ליטוויש-פוילישע געגנטן, וואוהין מען האָט געדאַרפט אָפּשיקן דעם גרעסטן טייל פון די יידישע היימלאָזע (די קריסטלעכע היימלאָזע פלעגן זיך, פאַרקערט, דאָס רוב אומקערן קיין רוסלאַנד), זיינען נאָך אויף אַ באַדייטנדן שטח געווען מלחמה-פעלדער. דאָך איז די אַרבעט געגאַנגען אין אַ פאַרהעלטניס-מעסיק-שנעלן טעמפּ און ס׳איז געגעבן געוואָרן אַ גאַנצע ריי ממשותדיקע אונטערשטיצונגען (גענויער וועגן דעם זע ווייטער, ז. 43—44).

אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע הילפס-אַקציעס האָט „יעקאָפּאָ" דורכגעפירט פאַר די צייט. כראָנאָלאָגיש זיינען די אַקציעס געווען פאָלגנדע: ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ גענויער רעגיסטער פון די אינסטרומענטן און מכשירים, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין האַנטווערקער-שול און זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן שפּעטער טיילווייז אין רשות פון „אָרט" און טיילווייז אין רשות פון די פּראָדוקציר-קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן זיך נאָכדעם געגרינדעט; מען האָט אָנגעהויבן אויספאָרשן די געגנט און ס׳איז געגעבן געוואָרן הילף אין פאָדבראָדז, נאָוואָ-סווענציאַן און אַנדערע פונקטן; ס׳זיינען געשיקט געוואָרן באַפולמעכטיקטע קיין קאָוונע, גראָדנע, לידע א. א. ס׳האָט זיך געגרינדעט די קאָמיסיע פאַר אָפּבויען די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער און בנינים, וועלכע האָט צוגעגרייט די ערשטע אַנקעטע און אויפגעזאַמלט דעם מאַטעריאַל (זע זייט 127—128); ס׳איז אויך אָנגעמערקט געוואָרן די רעגיסטראַציע פון מלחמה-היזקות, וועלכע איז שפּעטער אויך דורכגעפירט געוואָרן (זע ז. 39). אין

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

אַ גאַנצער ריי פאַלן איז אַרויסגענעבן געװאָרן אינדיווידועלע הילף פּראָדוקטיווע עלעמענטן, לערער און אינטעליגענץ; ס׳איז געגעבן געוואָרן מעדיציניש הילף, הילף אויף פּסח. ס׳זיינען געבראַכט געוואָרן פּראָדוקטן, וואָס איז געווען אַ גרויסע זאַך אין יענער צייט, ווען ס׳האָט שוין אָנגעהויבן הערשן דער הונגער און ס׳איז געעפנט געוואָרן אַ גרויסע קיך פאַר היימלאָזע אויף זאַוואַלנע 33.

אויף דעם 12-טן מערץ 1919 איז געווען באַשטימט אַ קאָנפערענץ פון טוער פון „יעקאָפּאָ“ אין האָמעל. פון ווילנער געגנט-קאָמיטעט זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פאָרשטייער. די קאָנפערענץ האָט זיך אָפּגעלייגט אויף אַ געוויסע צייט און צוליב די פּאָליטישע געשעענישן איז שוין מערבים געווען מעגלעך צו פאָרן.

די מאַכט האָט דער אַרבעט ניט געשטערט, אין אַ ריי פאַלן אפילו געהאָלפן, אַמאָל געקוקט קרום, אָבער אין אַלגעמיינעם האָט זי די אַרבעט אַזוי צו זאָגן „דערלאָזן“.

*

דער צווייטער פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די בלוטיקע אַפּריל-טעג 1919, מיט פּאָגראָמען און עקסצעסן, וואָס האָבן געדויערט אין ווילנע און פּראָווינץ איבער זעקס וואָכן צייט.

דעם מצב אין די ערשטע וואָכן האָט געשילדערט די שאַרפע רעזאָלוציע, וואָס די ווילנער קהילה האָט אָנגענומען אויף איר זיצונג פון 6 מאַי 1919 (דער ערשטער נאָכן פאַרנעמען די שטאָט פון פּוילישן חייל) וועגן „די באַליידיקונגען, רויבערייען און הריגות, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט אין די טעג פון 19-טן אַפּריל און ווייטער“ (ז. דעם געדרוקטן באַריכט פון קהילה, ווילנע 1921, ז. 7—9).

ס׳איז תיכף געוואָרן נייטיק אַ גרויסע יורידישע הילף. אויף זאַוואַלנע 33, אין זעלבן הויף, וואו ס׳האָט פונקציאָנירט די קיך, וועלכע איז איבערגעריכן געוואָרן אינמיטן פּסח, דעם 19 אַפּריל 1919, האָט „יעקאָפּאָ“ אין קאָנטאַקט מיט דער קהילה געעפנט אַ גרויסע ביוראָ (יורידישע קאָמיסיע) פון 14 אַדוואָקאַטן, טוער און באַאַמטע, וועלכע האָט רעגיסטרירט, געזאַמלט און גרינטלעך געפאָרשט דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן די הריגות, רויבערייען און גנישות אויף יידן, האָט אינטערוועגירט, צוגעגרייט מעמאָראַנדומס, דערליידיקט פערזענלעכע בקשות און השתדלותן, האָט געהאָלפן דעם כלל און פרט און איז געווען דער צענטער פאַר דער גאַנצער יורידישער און אינטערווענירונגס-אַרבעט אין יענע שווערע חדשים.

אויפן יסוד פון די אַלע מאַטעריאַלן פלעגט זיך די קהילה (דער עיקר ד״ר י. וויגאָדסקי, ד״ר צ. שאַבאַד, הרב י. רובינשטיין א. א.) ווענדן צו די העכערע פאָרשטייער פון דער פּוילישער מאַכט און האָט די מאַטעריאַלן אויך אויסגענוצט שפּעטער בעת די אויספאָרשונגען פאַר דער מאָרגענטוי-קאָמיסיע (זע ווייטער ז. 791—792).

דער מאַטעריאַל איז אויך געזאַמלט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ און אויף וויפיל ס׳איז געווען מעגלעך אין יענע געפערלעכע צייטן, פלעגן זיך ווענדן צום ביוראָ אויך די פאָרשטייער פון די שטעטלעך און געגנט, אַמאָל מיט גרויסע פאַרשפּעטיקונגען צוליב אומאָפּהענגיקע סיבות.

דער פראַגע-בויגן, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט אויסגעאַרבעט, האָט געהאַט פאָלגנדן אינהאַלט:

1. פאַמיליע, נאָמען און פאָטערס נאָמען פון געליטענעם. 2. אַדרעס. 3. אין וואָס פאַר אַן אופן געליטן (דערהרגעט, באַגזלט, געשלאָגן וכדומה). 4. ווען האָט ער געליטן. 5. וואו איז דאָס פאָרגעקומען. 6. פון וועמען געליטן. 7. ראיות: עדות דאָקומענטן וכדומה. 8. גענויע פרטים פון פאָרפאַל.

די מאַטעריאַלן האָבן אין דער סיסטעמאַטיזירטער, אָפּגעקליבענער, קאָנטראָלירטער, באַשטעטיקטער פון עדות און באַאַרבעטער פאָרם געבילדעט זעקס גרויסע טעקעס. פון זיי 1 מיט מאַטעריאַלן וועגן דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון די עקסצעסן און מיט די סומירטע מעמאָראַנדומס און 5 מיט רעגיסטראַציעס, בקשות און אַנדערע דאָקומענטן פון די געליטענע גופא אין ווילנע און פּראָווינץ. צוזאַמען האָבן די זעקס טעקעס אַנטהאַלטן 988 דאָקומענטן וועגן הריגות, רויבערייען, גנישות, גזילות, שלאָגן, באַליידיקונגען, היזקות, געשעענישן אויף די וועגן א. א., אין וועלכע ס׳האָבן זיך לויט די אָנגאַבעס פון די געליטענע און עדות באַטייליקט מיליטערלייט, זשאַנדאַרמען, מיליציאָנערן, סתם באַוואָפנטע פערזאָנען, שייגאָצים, באַנדעס, ציווילע שכנים פון די הייפן וכדומה.

דאָס גרויסע יורידישע ביוראָ (יורידישע קאָמיסיע) האָט עקסיסטירט דריי חדשים און נאָכן אָפּטאָן איר אַרבעט אין צונרייטן די מאַטעריאַלן איז עס דעם 15-טן יוני 1919 ליקווידירט געוואָרן. ס׳איז איבערגעבליבן נאָר אַ קלענערע קאָלעגיע.

אין אָקטאָבער 1920 איז ווידער געוואָרן נייטיק אַ גרעסערע יורידישע הילף צוליב די עקסצעסן קעגן יידן, וואָס זיינען פון דאָס ניי פאָרגעקומען דעם 9-טן אָקטאָבער און ווייטער (אמת, פיל קלענערע ווי אין אַפּריל 1919 און ווייניקער דויערהאַפטע) אין ווילנע און געגנט.

„יעקאָפּאָ“ האָט דורך איר יורידישער קאָלעגיע ווידער אויסגעאַרבעט אַ פראַגע-בויגן פון פאָלגנדן אינהאַלט:

1. פאַמיליע, נאָמען, פאָטערס נאָמען און עלטער פון געליטענעם. 2. באַשעפטיקונג. 3. אַדרעס (שטאָט, גאַס, הויף, וואוינונג). 4. אָרט, וואו דער אָנפאַל איז פאָרגעקומען, (שטאָט, גאַס, הויף, וואוינונג אין דאַטע). 5. ווער האָט געמאַכט דעם אָנפאַל (מיליטער אין נעמען פון די אָנפאַלער; אויב מיליטער — נומ׳ פון פּאָלק, ראָטע). 6. באַגזלט (גענוי אָנווייזן דעם געגנשטאַנד און ווערט). 7. חיוב געמאַכט (גענוי אָנווייזן דעם געגנשטאַנד און ווערט). 8. דער אַלגעמיינער היזק באַטרעפט. 9. דערהרגעטע (נאָמען, פאַמיליע, אויף וועלכן אופן). 10. געשלאָגן (ווי, מיט וואָס, אויב עס איז מעגלעך פאָטאָגראַפירן די וואונדן). 11. אַנדערע געוואַלט-מעשים. 12. ראיות: דאָקומענטן וכדומה. אינטערפּריטס פון געליטענעם. אינטערפּריטס פון עדות און זייערע אַדרעסן

אין האָט געזאַמלט און באַאַרבעט די מאַטעריאַלן פאַר דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער מאַכט.

ביים געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ איז שוין פאַרבליבן אויך אויף ווייטער אַ יורידישע אָפּטיילונג מיט אַן אייגענעם שטענדיקן יוריס-קאָנסולט בראָש (צייטנווייז אויך מיט אַ קאָלעגיע פון יוריסטן), וועלכע האָט געגעבן פאַרשיידנאַרטיקע יורידישע הילף אין שטאָט און פּראָווינץ און האָט אַנטוויקלט אַ באַדייטנדיקע טעטיקייט אין משך פון לאַנגע יאָרן (ז. ווייטער ז. 25—41 א. א.).

אַלס יוריס-קאָנסולטן פון „יעקאָפּאָ“ האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע צייטן די אַדוואָקאַטן ש. אייגעל (ביז 1920), י. יאָכוועד, ב. רובאַשעוו און מ. א. זאַקאָן. דער אַדוואָקאַט י. יאָכוועד האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט פון 1920, איינינקע יאָר צוזאַמען מיט ב. רובאַשעוו און דערנאָך מיט מ. א. זאַקאָן, ביז 1925, ווען די יורידישע אָפּטיילונג איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן און האָט פונקציאָנירט נאָר פון צייט צו צייט.

*

גלייכצייטיק מיט די שטורמדיקע און בלוטיקע אַפּריל-טעג 1919 האָבן זיך אָבער אויך געעפנט די גרעניצן און ס׳האָט אָנגעהויבן אָנצוקומען די גרויסע אַמעריקאַנער הילף.

נאָך דער רוסלענדישער „יעקאָפּאָ“ האָט דער אַמעריקאַנער „דזשוינט“ (ד. ד. ק.) באַוויזן אַ ביישפּיל פון אַ גראַנדיעזער הילפס-טעטיקייט, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דער געשיכטע.

אין ווילנער געגנט האָט דער ד. ד. ק. געפירט זיין גאַנצע אַרבעט דורך דעם געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ", וועלכער האָט אַנטוויקלט אַ זייער גרויסע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון הילף און אויפבוי און האָט אָרגאַניזירט די גאַנצע פּראָווינץ. ער האָט פאַרווירקלעכט דעם געדאַנק, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך אויף דער ערשטער גרינדונגס-זיצונג פון געגנט-קאָמיטעט וועגן אַ באַראַטונג פון די טוער, צונויפרופנדיק אויף ברייטע דעמאָקראַטישע יסודות אין סעפּטעמבער 1919 די ערשטע אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון אַלע קהילות און קאָמיטעטן פון דער פּראָווינץ, וועלכע האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן און האָט געלייגט דעם גרונטשטיין צו דער גאַנצער ווייטערדיקער אָרגאַניזאַציע.

פון די געדרוקטע באַריכטן, וואָס „יעקאָפּאָ" האָט אַרויסגעגעבן (זע ז. 345, 964, 966) איז צו זען, אַז אין ערשטן פּעריאָד (פון 16 פעברואַר ביזן 1 סעפּטעמבער 1919) איז געגעבן געוואָרן אַלגעמיינע הילף 62 פּונקטן; ספּעציעל אויף גמילות-חסדים און ליי-קאַסעס האָבן באַקומען שטיצע 13 פּונקטן; אויף קינדערקיכן און פאָלקסקיכן — 11 פּונקטן; אויף אויסצוקויפן דעם קינדער-ראַציאָן — 17 פּונקטן און אויף אויסצוקויפן פּראָדוקטן און אויף ביליקע ברויט — 12 פּונקטן. דערביי האָבן פון דער אַלגעמיינער צאָל 53.718 יידישע איינוואוינער אין די דאָזיקע 62 פּונקטן באַקומען שטיצע פון „יעקאָפּאָ" 16.584 די אַממערסטן נויטבאַדערפטיקע.

אין צווייטן פּעריאָד (1 סעפּטעמבער 1919 ביזן 31 דעצעמבער 1919) האָבן באַקומען סיסטעמאַטישע אונטערשטיצונגען לויט מאָנאַטלעכע ביודזשעטן 118 פּונקטן אויף פאָלגנדע נויטן: דערנערונג, קינדער-דערנערונג, האָלץ און אויפבויאונג פון די חורבנות, קולטורעלע ענינים (פאָלקסשולן, ביכער, ביבליאָטעקן, אַנשטאַלטן), מעדיצינישע-סאַניטאַרע הילף, ליי- און שפּאָר-קאַסעס, גמילות-חסדים-קאַסעס, קאָאָפּעראַציון.

אין דריטן פּעריאָד (1 יאַנואַר 1920 ביז 30 יוני 1920) האָט די צאָל פּונקטן, וואָס זיינען סיסטעמאַטיש געשטיצט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ", דערגרייכט 153 און צו די אויבנאָנגערופענע ביודזשעט-פּאָזיציעס זיינען נאָך צוגעקומען: מלאכה, קהלשע הצטרכותן (צרכי צבור), היימלאָזע, פאַרשיידענע אַנדערע מינים הילף.

די ליניע, וועלכע „יעקאָפּאָ" האָט געפירט אין איר הילפס-טעטיקייט, איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף די ערשטע זיצונגען פון געגנט-קאָמיטעט אין דורכאויס פּראָדוקטיוון זין און אויף דער זיצונג פון 27—29 יוני 1919 איז זי פאָרמולירט געוואָרן בנוגע דער געגנט-הילף, ד. ה. דער פאַרשיידנאַרטיקער אַלגעמיינער הילף אין די שטעטלעך (פּונקטן) פון פּראָווינץ, אויף פאָלגנדן אופן: „ווי ווייט מעגלעך לגמרי אויסראָטן דאָס סיסטעם פון תמיכה. אומעטום אַרויסווייזן פּראָדוקטיווע הילף, באַמיען זיך גרינדן ליי- און שפּאָר-קאַסעס, קאָאָפּעראַטיוון, גמ"ח'ן וכדומה. אַרויסרופן די זעלבסטהילף און טעטיקייט פון שטעטל גופא". אַזאַ פּראָגראַם פאַר הילפסאַרבעט אין יענע צייטן איז שוין געווען פאַר זיך אַליין אַ גרויסער אויפטוי.

וואָס ווייטער איז צו דער הילפס-אַרבעט אַלץ מער צוגעקומען די אויפבוי-אַרבעט, ווי ס'איז גענויער געשילדערט אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען.

ס'איז אינטערעסאַנט צו ברענגען די רשימה (לויטן א"ב) פון די אַלע 195 פּונקטן — שטעטלעך און ישובים — וואָס „יעקאָפּאָ" האָט געשטיצט איר טעטיקייט אין משך פון די יאָרן 1919—1930 ביי פאַרשיידענע מאַכטן און פאַרשיידענע צייטן:

אוספען, איוואַנסק, איוויע, אָראַן, אָלשאַן, איוויענעץ, אָלקעניק, אָסטרין, אינגאַלינע, אײשישאָק, אָשמענע, אָסטראָוויעץ, אָרלאָווע, אַנדריאָנישעק, אָפּסע, איליע, אינטורקע, בוטרימאַנץ, בעזדאַן, באַרין, ביסטריץ, בעליצע, ביניאַקאָני, באַריסאָווקע, בעסטין, ביצלאַוו, בורווידז, בראַסלאַוו, גאַרבאַניאָוויטש, באָגוסלאַווישעק, באַבינעץ, ביטען, גיר, גערדוויץ, גלוואַן, גאַמעל, גיראַנאַי, גערוויאַט, גלינסקע, דעוועניעשאָק, דויגעלישאָק, דוקשט, דאָלהינאָוו, דרויע, דויג, דווינסק, דובינע, דיסנע, דאַנילאָוויטש, דעקשנע, דאָקשיץ, דרויסק, דוגיטשעווע, דעליאַטיטש, דובראָוויע, דריסוויאַט, דערעטשין, האָלובישט, האָראָדישטש, האָראָדאָק, הייווטישאָק, הערמאַנאָוויטש, האָראָדזיי, האַנושישאָק, וויאַזין, ווילנע, וואָראָניאַן, וואָראָנאָווע, ווילייקע, וויסנעווע, זיידל, וואָלמע, וואָלאָזשין, וואַסילישאָק, וויסאָקי-דוואָר, וועליסטאַן, וואָראָנעץ, זאַסקעוויטש, זשופּראַן, זשירמון, זשעלודאָק, זיעלאָנקע, זאַגרעזיע, טורגעל, טורעץ, טראָב, טראָק, טאָבריסאַנץ, טאָוראַגנען, יאַנישעק, יאַשון, יוראַטישעק, יערעמיטש, יעוויע, יעוונע, לווסקי, לעבעדעוו, לינגמיאַן, ליפּנישעק, ליאַבישעק, לייפּון, לאַנדוואַראָווע, ליובטש, לידע, לינטופּ, לעפּעל, מעזשעריטש, מערעטש, מיאָדל, מיכאַלישעק, מאָלאַדעטשנע, מוסעיעק, מישעגאָלע, מאַרצינקאַנץ, מיצקי, מיר, מינסק, מאָליאַט, מעדניק, מוסניק, מאָזאָליִשקע, נאָוואָגרודאָק, ניי-סווענציאַן, ניעסוויזש, נאַליבאָק, ניקאָלאַיעוו, ניי-ווילייסק, נעמענטשין, נאָווי-דוואָר, ניוואָקי, ניי-סווערזשען, ניעמעוש, נאָוויאַבוש, סוויר, סאָל, סאָלעטשניק, סווענציאַן, סעליוב, סאָב.-קינצי, סינאַסניק, סמאָקליִשעק, סמאָלאַוויטש, סנאָוו, סימעלישעק, סטאַיאַצישעק, סמאָרגאָן, סטאָסענקע, סלאָבאָדקע, סטויבץ, סלאָנים, פּאַסטאַוו, פּליסע, חאַנאַטשישעק, פּאָדבראָדזש, פּאָגרעניע, פּאָהאָסט, פּאָסטאַוויע, פּאָלאָנקע, פּערעבראָד, פּאָרזשעלווע, קובליץ, קאָלטיניאַן, קאָניוכאָווישעק, קעמעלישעק, קורעניץ, קריוויטש, קאָבילניק, קענע, קאָמאַי, קאָרעליטש, קרעווע, קריסק, קאַמען, קראַסנע, קראָשין, קאָסאָווע, קאָפּאַנק, ראַדון, רימשאַן, רודאָמין, רודזישעק, ראָזשאַנקע, ריקאָנטי, ראַקאָוו, רעטשקע, ראַדאָשקאָוויטש, ראַטניטשע, שטשוטשין, שאַרקאָווטשיזנע, שיבסק, שירווינט, שומעלישעק, שנישעל.

אייניקע פון די פּונקטן זיינען געשטיצט געוואָרן נאָר אַ קירצערע צייט, אָפּהענגיק פון דער מאַכט, וועלכע האָט זיך געפונען אין ווילנער געגנט אין די פאַרשיידענע פּעריאָדן פון 1919—1920, אייניקע זיינען פון אָקטאָבער 1920 אָפּגעפאַלן, ווייל זיי זיינען פאַרבליבן אויף יענער זייט גרעניץ, — דער גרעסטער טייל איז אָבער פאַרבליבן אין טעטיקייטס-ראַיאָן פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע די גאַנצע צייט ביז אין יאָר 1931 אַריין (פאַרגלייך די רשימות אויף ז. 572—573 און 566—557).

* * *

די אומזיסט-מיטלען, מיט וועלכע „יעקאָפּאָ" האָט אָפּערירט אין משך פון זיין טעטיקייט פאַר די יאָרן 1919—1930, האָבן באַטראָפן בערך 1.500.000 דאָלאַר. פון זיי זיינען בערך 1.000.000 דאָלאַר אויסגעגעבן געוואָרן אויף פאַרשיידענע מינים הילף און אויפבוי. די איבעריקע געהערן צו די אָפּעראַציעס פון די אַמעריקאַנער אַנווייזונגען און טשעקן אויף אינקאַסאָ, צוריקצאָלונגען וכדומה. די מיטלען האָט „יעקאָפּאָ" באַקומען אין ווייט גרעסטן טייל פון דזשוינט (ד.ד.ק.), אויף געוויסע אַקציעס — אויך פון יק"אַ, לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט, אייגענע זאַמלונגען א. א. (ז. ווייטער די גענויע פינאַנסיעלע באַריכטן ז. 1039—1053).

אין די סומען גייען ניט אַריין די מיטלען, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן פון די אָרטיקע קאָמיטעטן גופא פאַר די נויטן פון די שטעטלעך. ס'גייען אויך ניט אַריין די אַמעריקאַנער קרובים-געלטער, וואָס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן דורך דער „היאַס"-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" אין די יאָרן 1921—1924 אין דער אַלגעמיינער סומע פון 78.855.43 דאָלאַר (זע ז. 119); ווייטער גייען ניט אַריין די סומעס פון דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון יאָר 1926 אָן, ווען זי איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן אַלס אָפּטיילונג פון „יעאַס" אין וואַרשע (זע ווייטער ז. 280—303) אין שפּעטער פאַראייניקט מיט „היאַס-יק"אַ-עמיגדירעקט" („היקעם") און ס'גייען אויך ניט אַריין די אומזאַצן פון ביכערלאַגער פון „יעקאָפּאָ" פון יאָר 1925 אָן, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אַלס זעלבשטענדיקע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג (זע ז. 344) ביים קאָמיטעט „יעקאָפּאָ"

ביז זיין ליקווידירונג אַלס אָזעלכע דעם 1-טן יאַנואַר 1931 (זע די גענויע פינאַנציעלע באַריכטן ז. 1.054 און ווייטער).

*

פאַר די צוועלף יאָר טעטיקייט (1919—1930) איז דער געגנט-קאָמיטעט ״יעקאָפּאַ״ אין ווילנע געשטאַנען אין ענגסטער פאַרבינדונג ביי דער אַרבעט מיט די גרעסטע יידישע צענטראַלע הילפס-אָרגאַניזאַציעס אין וועלט-מאַסשטאַב, ווי דער „דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט״ (דזשוינט, ד. ד. ק.), „היאַס״ און יק״אַ, טיילווייז אויך מיטן לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט, און דורך „יעאַס״ אויך מיטן „היקעס״. די גאַנצע טעטיקייט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אין ווילנער געגנט איז געפירט געוואָרן דורך „יעקאָפּאַ״ און זייערע טוער האָבן זיך געפונען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט „יעקאָפּאַ״. די טוער פון „יעקאָפּאַ״, יוידער, פלעגן שטענדיק זיין פאַרטראָטן אויף אַלע באַטרעפנדע באַראַטונגען און קאָנפערענצן, קאָמיטעטן און פאַרשטייערשאַפטן פון די אָנגערופענע אָרגאַניזאַציעס. דערהויפּט פון ד. ד. ק. און היאַס.

די פּראָבלעם פון מענטשן ביי דער אַרבעט איז גלייכצייטיק געווען אויך די פּראָבלעם פון די אָרגאַניזאַציעס גופא און פאַראיינס אויך פון דעם כאַראַקטער און פאַרנעם פון דער אַרבעט.

יעדערע פון די אָרגאַניזאַציעס האָט געהאַט איר פּנים, איר אופן פון באַנעמען די אַרבעט און אירע טוער און מענטשן. דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאַ״ איז געגאַנגען מיט זיין וועג, האָט זיך אָבער געמוזט אין זיין טעטיקייט באַגעגענען מיט די מענטשן פון די אָרגאַניזאַציעס און ניט איינמאָל אויסשטיין אַ פּרינציפּיעלן קאַמף פאַר די מעטאָדן און אידעען פון דער אַרבעט און פאַר איר געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

דערהויפּט נאָענט און אָפט איז געווען די באַרירונג מיטן ד. ד. ק.

דער ד. ד. ק. איז געקומען דער ערשטער און האָט שוין געפונען „יעקאָפּאַ״ אַלס אַ פאַרטיקע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אויסגעאַרבעטן אַפּאַראַט און בולט-געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער אַרבעט, וועלכע איז שוין געפירט געוואָרן אין אַ ברייטן מאַסשטאַב און האָט געהאַט גענוג דערפאַרונג און טראַדיציעס פון די פריערדיקע טעטיקייטס-יאָרן. קיין בעסערע פאַרבינדונגען מיט אַלע שטעט און שטעטלעך פון געגנט, ווי „יעקאָפּאַ״ האָט געשאַפן, האָבן ניט געקענט זיין און פאַרן ד. ד. ק. איז דאָ געווען אינגאַנצן איבעריק צו גרינדן וועלכע ניט איז אייגענע און נייע אַפּאַראַטן, וואָס וואָלטן אויך ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין דער געזעלשאַפטלעכקייט און וואָלטן ניט געהאָלפן דער אַרבעט, נאָר איר געשטערט.

ווען ער האָט עס שפּעטער אַ געוויסע צייט געפּרובט אָדער געמוזט טאָן צוליב זיין אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, האָט עס דאָ קיין שום ערפאָלג ניט געהאַט, האָט ניט געווירקט אויף דער אַרבעט, האָט בלויז אַרויסגערופן קאָנפליקטן און באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד און איז גאַנץ גיך ליקווידירט געוואָרן אַלס אומנוצלעכער און ניט אָנגענעמער עפּיזאָד. אַנדערש איז געווען, ווען דער ד. ד. ק. האָט, ווידער אַמאָל צוליב זיין אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, געהאַט אין די צייטן פון דער מאַסן-אַרבעט פאַר די היימלאָזע זיינעם אַ פאַרטרעטער — דעם געוועזענעם באַפּולמעכטיקטן פון „יעקאָפּאַ״ י. ווערניק אין ווילנע, וועלכער האָט האַרמאָניש מיטגעאַרבעט מיטן געגנט-קאָמיטעט אין קאָמיטעט גופא, אָבער אויך דער אַמט האָט ניט איבעריקס לאַנג געדויערט.

דער ד. ד. ק. האָט עס אַלץ גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און להיפּך צו די איבעריקע געגנטן אין פּוילן, וואו ער האָט אַזאַ אָרגאַניזאַציע ניט געפונען, האָט ער דאָ גלייך פון אָנהויב סובסידירט די טעטיקייט פון „יעקאָפּאַ״, וועלכע ער האָט אָנערקענט און וועלכע איז אַוועק שוין לכתחילה אויף פּראָדוקטיווע וועגן, וואָס זיינען ערשט מיט יאָרן שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אין די איבעריקע טיילן פון פּוילן: די גאַנצע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג און אַלע אַנדערע פאָרמען פון פּראָדוקטיווער הילף אָדער דאָס גאַנצע יידישע שולוועזן און קולטורעלע בויאונג איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון ווילנער געגנט אַלס אַוואַנגאַרד פאַרן גאַנצן איבעריקן פּוילן. זייער נעץ איז דאָ נאָך ביי היינטיקן טאָג געדיכטער ווי וואו ניט איז אַנדערשוואו, אויף אַזאַ אופן, אַז ס׳איז כמעט ניטאָ קיין איין פּונקט אין ווילנער געגנט, וואו ס׳זאָל ניט זיין קיין קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבאַנק, קיין יידישע אָדער העברעאישע שול און אַ גאַנצע ריי אַנדערע ווירטשאַפטלעכע אָדער קולטורעלע מוסדים און דאָס אַלץ ביי אַ מצב, ווען אין ווילנער געגנט איז פאַר די גאַנצע צייט ניט געווען קיין איין עקאָנאָמיש-גוטער יאָר און די געגנט פאַרמאָגט ניט וועלכע ניט איז גרעסערע פּונקטן.

דערצו נאָך האָט זייער פיל געשאַדט דעם גאַנצן אויפבוי פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט דער פאַקט, וואָס דאָס איבעריקע גרויסע יידישע פּוילן, פיל רייכערע און שטאַרקערע, איז געזעלשאַפטלעך געווען באַדייטנד אָפּגעשטאַנענער פון דער קליינער, אָרעמער און שוואַכער ווילנער געגנט. און בעת די ווילנער געגנט איז שוין אין יאָר 1919 (און נאָך פריער) געווען געזעלשאַפטלעך גוט-אָרגאַניזירט, איז די יידישע באַפעלקערונג אין איבעריקן פּוילן אינגאַנצן ניט געווען אָרגאַניזירט פאַר אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אויף אַזאַ מין אופן, ווי „יעקאָפּאַ״, — ד. ה. איין צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, אָן קיינע שום פּאָליטישע טענדענצן, פאַר די אַלגעמיינע הילף- און אויפבוי-ענינים, — האָט זי אויך שפּעטער ניט באַוויזן זיך צו אָרגאַניזירן און צו שאַפן און איז אַזוי פאַרבליבן ניט אָרגאַניזירט ביז אויף היינטיקן טאָג. די ווילנער געגנט איז אַליין צום באַדויערן פאַרבליבן אין דער הינזיכט איזאָלירט און דאָס האָט אויך ווייטער געמוזט שטאַרק אָפּשוואַכן איר אייגענע אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע ניט אָרגאַניזירטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין איבעריקן פּוילן האָט גוואַלטיק פאַרשווערט יעדן געזעלשאַפטלעכן קאַמף מיט אָנפירערשאַפטן פון אויסן, האָט ניט דערלאָזן צו קיין גרעסערע אויפטוען אין צענטראַלן מאַסשטאַב, האָט אונטערגעהאַקט די זעלבשטענדיקע אַנטוויקלונג דאָרט, וואו זי איז געווען און האָט, ענדלעך, געשטערט אָדער אַפילו געמאַכט אוממעגלעך צו פאַרפעסטיקן זיך אויף שטענדיק און אויף אַזאַ אופן, אַז ס׳זאָלן דאָ בכלל ווערן אויסגעשלאָסן יעדע אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכקייטן פון אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס אָנשטאָט דער אָרטיקער געזעלשאַפטלעכקייט.

די געשיכטע פון דאָזיקן מצב, וועלכער וואָלט גאָר ניט געווען מעגלעך ביי דער פריערדיקער יידיש-רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט און וועלכע אילוסטרירט אָנמאַכט און פעלן פון אַ צענטראַלער אירגע, וואָס האָט זיך נוקס געווען אויף דער גאַנצער אַרבעט ביז אין יאָר 1931 אַריין און ווייטער, וואָלט געפאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג.

אירע וואָרצלען ציען זיך פון יאָר 1919. די שולד טראָגט דאָ ניט דער ד. ד. ק. און אַנדערע (דער ד. ד. ק. האָט אַפילו שפּעטער מיטגעהאָלפן צו שאַפן אייניקע גרעסערע געזעלשאַפטן אין פּוילן, ווי „טאָז״ און „צענטאָס״ — יתומים-פאַרבאַנד. „אָרט״ און „אָזע״ האָבן זיך, נאַטירלעך, אַליין אָרגאַני-

DFG

זירס. „אָזע״ איז דערנאָך אַריין אין „טאָז״. אין אויסלאַנד איז זי פֿאַרבליבן „אָזע״. „יעאָס״ איז אָפּהענגיק פֿון „הי־קעם״), נאָר אויסשליסלעך די יידיש־פּויליש געזעלשאַפֿטלעכקייט אַליין. דער געשילדערטער מצב פֿון דער אַרבעט אין ווילנער געגנט באַשטעטיקט עס גענוג בולט.

אַז דער ד. ד. ק. איז געקומען דער ערשטער גלייך נאָך די אַפּריל־טעג 1919, האָט מיט זיין טעטיקייט אָנגעפֿירט ד״ר ב. באָגען (זע ווייטער ז. 597—600 און 720—722). אַ מענטש מיט אַ ברייטן רוסישן פֿאַרנעם, זייער אַ קלוגער און מיט אַן אָנגענעמען שמייכל, מיט אַ גוטער האַרץ און דערקוויקנדן גלייכווערטל, — האָט ער זייער פֿיל אויסגעטאָן אין יענע שווערע צייטן. שפּעטער האָט ער אַראָפּגעבראַכט פֿון אַמעריקע גאַנצע שטאָבן („יוניטעד״) אייגענע מיטאַרבעטער אין מיליטערישע קליידער און האָט געפּרובט אָרגאַניזירן די אַרבעט אין גאַנץ פּוילן, וואו, ווי אויבן געזאָגט, איז די אָרגאַניזיר־פֿראַגע פֿון אָנהויב אָן און תּמיד געווען אַ האַרבער ענין. ס׳איז נאָך פֿריש אין זכרון דער אָרגאַניזאַציע־פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַמעריקע פֿאַר פּוילן, איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן אין וואַרשע אין יאַנואַר 1920 און איז באַוואוסט געוואָרן אונטערן נאָמען „קייקעלעך״, צוליב דעם, וואָס ער איז אויפֿגעצייכנט געוואָרן אויף אַ קאַרטע און פֿאַר יעדן ראַיאָן איז באַשטימט געווען אַ קייקעלע מיט אַן אַמעריקאַנער פֿאַרטרעטער אין דער מיטן. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן האָבן באַדאַרפֿט געגרינדעט ווערן: אַ צענטראַלע ביים ד. ד. ק.־קאָמיטעט אין וואַרשע פֿון 15 פֿאַרשטייער צו 3 פֿון ליטע, גאַליציע, וואָלין, פּוילן (ביידע טיילן: וואַרשע—לובלין). יעדער איינער פֿון די 5 געביטן האָט געדאַרפֿט האָבן 20 הויפּט־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן פֿון זייער זייט 20 קרייז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן 20 אָרטיקע קאָמיטעטן. אין יעדן הויפּט־קאָמיטעט זאָל זיך געפֿינען אַן אַמעריקאַנער פֿאַרשטייער. די 3 פֿאַרשטייער פֿון יעדן געביט דאַרפֿן געהערן צו די גרופּעס: אָרטאָדאָקסיע, בורזשואַזיע, אַרבעטער.

דער דעמאָלטיקער פֿאַרשטייער פֿון אַמעריקאַנער קאָמיטעט אין וואַרשע, לייטענאַנט גערשטענזאַנג, האָט געפּרובט צונויפֿרופֿן אַ באַראַטונג לויט דעם דאָזיקן פּרינציפּ, אָבער ניט קיין געוויילטע, נאָר אַ באַשטימטע, מחמת ס׳איז ניט געווען קיין גאַראַנטיע, אַז די אויסגעוויילטע זאָלן זיין פֿון די דריי גרופּעס.

די באַראַטונג איז אָבער דעמאָלט ניט צושטאַנדגעקומען, ווייל מען האָט ניט געוואָלט גיין אין אַ באַשטימטן קאָמיטעט, — שפּעטער אָבער, ביז אויפֿן היינטיקן טאָג, האָט מען אויף דעם מוותּר געווען און מען האָט גערן אָנגענומען נאָמינאַציעס.

דעם געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ האָט דער גאַנצער ענין ווייניק וואָס אָנגערירט און ס׳האָט אים אויך ניט געקימערט. ער האָט דאָן, אויף דער זיצונג פֿון 28 יאַנואַר 1920, בלויז אָנגענומען פֿאָלגנדע רעזאָלוציע: „בנוגע די אַמעריקאַנער פּלענער זאָגט זיך דער קאָמיטעט אַרויס אין דעם זין, אַז פּלענער פֿון דער הילפֿסאַקציע דאַרפֿן ווערן אויסגעאַרבעט און אָנגענומען אויף באַראַטונגען פֿון געקליבענע פֿאַרשטייער פֿון די ערטער צוזאַמען מיט דעם וואַרשעווער ד. ד. ק.־קאָמיטעט״.

די אַלע אָרגאַניזאַציע־פּלענער האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין שפּורן. אַ טייל פֿון זיי האָט דער ד. ד. ק. דורכגעפֿירט אין די איבעריקע געגנטן פֿון פּוילן, זיינען אָבער סוף כּל סוף פֿאַרשוואונדן און אויף זייער אָרט זיינען אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי צוברעקלטע געזעלשאַפֿטן און מוסדים. דאָסזעלבע איז געווען אין וואַרשע גופֿא. מער ניט דאָרט זיינען נאָך ביז אויפֿן היינטיקן טאָג פֿאַרבליבן פֿאַרטרעטער פֿון ד. ד. ק.

אַ פּאָר מאָל האָט נאָך דער ד. ד. ק. געפּרובט אָרגאַניזירן גרעסערע אַלגעמיינע קאָמיטעטן פֿאַר פּוילן, ווי דעם גרויסן אויפֿבוי־קאָמיטעט פֿון קאָנסטרוקטיוון דעפּאַרטאַמענט פֿון ד.ד.ק. בראָש מיט זיין דירעקטאָר, דעם זייער פֿעיִקן אַלכּסנדר לאַנדעסקאָ און זיין געהילף ה׳ פֿריינד (ז. „אונזער הילף״ 1921 נומ׳ 6 און 1922 נומ׳ 8—10) א. א., נאָר ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבן.

די מענטשן האָבן זיך ניט ריכטיק פֿאַרשטאַנען און דער עיקר — דער באָדן איז ניט געווען צוגעגרייט פֿון פֿריער. ס׳האָט געפֿעלט די אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין געשאַפֿן נאַטירלעך, פֿון זיך אַליין, אָבער ניט פֿון אויסן און וואָס זאָל שוין האָבן וואָס אויפֿגעטאָן מיט אייגענע כּוחות.

און אַזוי האָט זיך דער ד. ד. ק. אָפּגעזאָגט פֿון גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע און קאָנסטרוקטיווע פּלענער, וועלכע האָבן זיך אין די יאָרן 1921—1922 אויסגעדריקט אין שאַפֿן אַ גאַנצע ריי דעפּאַרטאַמענטן פֿאַר פֿאַרשיידענע ספּעציעלע מינים אַרבעט, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר און וואָס אייניקע פֿון זיי

האָבן געאַרבעט גאַנץ אינטענסיוו, אַנדערע ווידער מיט גרויסע פֿאַרשפּעטיקונגען און אומאויפֿהערלעכע הכנות.

צו יענער צייט האָט זיך בראָש פֿון ד. ד. ק. אין אייראָפּע געשטעלט ד״ר בערנאַרד כּהן (ז. ווייטער ז. 761—763), אַ באַקאַנטער כּלל־טוער, וועלכער האָט נאָך, אַגב, סוף 1915, אין דעם ערשטן יאָר פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע, באַזוכט ווילנע צוזאַמען מיט ד״ר פּויל נאַטאַן אַלס פֿאַרטרעטער פֿון „הילפֿס־פֿאַראיין״. די אַרבעט איז אינגיכן ווידער אַוועק אין אַ פֿאַראייניקטער, מער רואיקער און אָרגאַניזירטער פֿאָרם און ס׳איז אין אַלגעמיין זייער פֿיל אויסגעטאָן געוואָרן.

דער גרונט־פֿעלער פֿון דער גאַנצער ד. ד. ק.־אַרבעט איז אָבער געווען דער, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געוואוסט צי די אַרבעט וועט ווערן ווייטער געפֿירט אָדער זי ווערט איבערגעריסן, מען איז כּסדר געהאַנגען אין דער לופֿטן און צו אָפֿט פֿלעגן קומען פֿאַרשיידענע ליקווידאַציע־פּלענער און דערנאָך אָרגאַניזאַציע־פּלענער, מען האָט געאַרבעט אָן אַ פֿעסטן באָדן אונטער די פֿיס און ס׳איז קיינמאָל ניט געווען די זיכערקייט, אַז די אַרבעט איז ניט קיין צייטווייליקע, אַז זי ווערט פֿאָרגעזעצט און דעריבער איז קיינמאָל ניט געווען קיין מעגלעכקייט און קיין ריכטיקע צייט זיך צו פֿאַרפֿעסטיקן, מען האָט ניט געטראַכט וועגן דער צוקונפֿט און זיך ניט פֿאַרזאָרגט אויף דער צוקונפֿט. אַ צווייטער פֿעלער איז געווען דאָס שיקן מענטשן פֿון אויסן, וואָס ניט אַלע מאָל האָט מען זיך איינער דער אַנדערן פֿאַרשטאַנען און וואָס האָבן געלעבט אין גאָר אַנדערע, פֿיל בעסערע, באַדינגונגען ווי די אָרטיקע כּלל־טוער און האָבן זיך געפֿירט ניט תּמיד צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע תּנאים און פּסיכאָלאָגיע פֿון דער אַרבעט.

לאָזנדיק עס אָן אַ זייט, מוז מען אָבער קאָנסטאַטירן, אַז דער ד. ד. ק. האָט קאָלאָסאַלע, אומשטערבלעכע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן און אַז זיין הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער ברידער מיט אַזאַ וואַרימער האַרץ און ברייטער האַנט, וועט אויף אייביק דערמאָנט ווערן צום גוטן אין דער געשיכטע פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום.

נאָר אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע איז געווען אין דער אַרבעט די יק״אַ. אייגנטלעך, איז יק״אַ די איינציקע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז

אַ שטענדיקע און וואָס שטייט אויף אַ פעסטן און אומאָפּהענגיקן פינאַנסיעלן באָדן. זי לעבט ניט פון זאַמלונגען, נאָר פון די פּראָצענטן, וואָס ברענגען אירע אומבאַווירלעכע גרויסע פאָנדן. דאָס אַליין שאַפט שוין אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספערע פאַר דער אַרבעט און אויך לויטן גייסט איז די אַרבעט אַ גאַנץ אַנדערע. אויב זי האָט ניט צו טאָן מיט קיין געלט-זאַמלונגען און געפינט זיך אין דער גליקלעכער לאַגע פון תמיד זיכערע ביודזשעטן און געזיכערטע מיטלען אויף פירן די אַרבעט, האָט זי אויך כמעט ניט צו טאָן מיט קיינע שום וואַלן, עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אַלע אַנדערע אַטריבוטן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט. זי טוט איר אַרבעט, ווי אַ גוטע ביוראָקראַטישע מאַשין, אָן פּרסום, אָפט צו קאַלט און אויסגערעכנט, טרוקן-זאַכלעך, מיט די מעלות און חסרונות פון אַזאַ מאַשין.

אויב יק"א ווערט הויך פאַרשריבן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, איז דער גרונט-דעפעקט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס זי האָט ניט באַוויזן אַליין צו שאַפן (שוין אין די יאָרן פון „דזשוינט" מיט זיינע 75 מיליאָן דאָלאַר הילף פאַר אייראָפּע איז עס געווען מעגלעך) אַן אייגענעם אייזערנעם פאָנד, וואָס פון זיינע הכנסות זאָל קענען געפירט ווערן אַ שטענדיקע און זיכערע סאָציאַלע אַרבעט אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות, ד.ה. אַ „געזעלשאַפטלעכע יק"א" ניט פון באַראָן הירשס ירושות, נאָר פון גרויסע פאָלקס-זאַמלונגען און מיטן אַנטייל פון פאָלק.

דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע האָט געהאַט צו טאָן ביי זיין אַרבעט מיט יק"אַ און מיט אירע דירעקטאָרן עמיל מאַירסאָן (זע ז. 776—778), ברידער אונגער (זע ז. 713—715) און אַנדערע און מען קען ניט קאָנסטאַטירן, אַז ס'זיינען געווען וועלכע ניט איז שוועריקייטן אָדער שטערונגען. פאַרקערט, ס'זיינען פאַראַן צו פאַרצייכענען אַ ריי פּאָזיטיווע מאָמענטן, פרייהייט אין דער טעטיקייט ביי איינמאָל אָפּגעשלאָסענע אָפּמאַכן און צוטרוי צו די טוער.

דאָס ענדערן דעם כאַראַקטער גופא פון יק"א און דעם גייסט פון איר טעטיקייט קען געשען נאָר אַלס רעזולטאַט פון אַן עוואָלוציע אין דער יידישער געזעלשאַפט און קודם-כל פון מערב-אייראָפּע.

איבעריקנס, האָט זיך יק"א די לעצטע יאָרן דערנענטערט צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט (און מיט ניט ווייניק נוצן פאַר דער אַרבעט), אַריינטרעטנדיק אין באַשטאַנד פון „פאָנדיישן" (דזשוינט און יק"אַ פאַר קרעדיט-הילף דער יידישער קאָאָפּעראַציע א. א.) און „היקעם" (היאַס יק"אַ עמיגדירעקט פאַר ענינים פון דער יידישער עמיגראַציע). פון דער אַנדערער זייט, אָבער, איז זי זיך באַגאַנגען אַנדערש אין פּוילן (די פּסיכאָלאָגישע סיבות זע אויבן), עפענענדיק אין יאָר 1931 אין לעמבערג אַ נייע אייגענע ביוראָ (פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע טעטיקייט און דורך הלוואות די לאַנדווירטן אין גאַליציע), הגם די עצם אַרבעט פון אַרויסגעבן די הלוואות וועט זי פירן דורך די עקספּאָזיטור פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס-בענק.

די דריטע אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער „יעקאָפּאָ" איז אויסגעקומען גאַר נאָענט צו טרעפן זיך אין דער אַרבעט, איז געווען „היאַס", — אַן אייגנאַרטיקע, דורכאויס פאָלקסטימלעכע, ברייט-פאַרשפּרייטע יידישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וואָס האָט זייער גרויסע פאַרדינסטן פאַר די יידישע עמיגראַנטן און דער יידישער עמיגראַציע אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר. דאָס איז אַ ריין-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע און אירע טוער האָבן אַרויסגעוויזן ביי דער אַרבעט גרויס ענערגיע, אַ ברייטן יידישלעכן פאַרנעם, אַ וואַרעמע האַרץ און אַ גוטע מענטשלעכע באַציאונג צו די בענדליקער טויזנטער פּעטענטן.

די באַציאונגען צווישן „יעקאָפּאָ" און „היאַס", וועלכע זיינען שטענדיק געווען די פריינדלעכסטע, האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1920. אויף דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע דעם 6 אַפּריל 1920 איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט וועגן דער באַראַטונג, וואָס די פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ" (מ. שאַליט און נ. קאָוואַרסקי) האָבן אָפּגעהאַלטן אין וואַרשע מיט דער ערשטער דעלעגאַציע פון „היאַס" קיין פּוילן, די ה"ה לעאָן קאַמייקע און יעקב מייזל, וועגן עמיגראַציע-ענינים און וועגן איבערגעבן די אַרבעט פון „היאַס" אויף ווילנער געגנט דעם קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ", וואָס איז אויך אינגיכן געשען און איז פאַרגעזעצט געוואָרן ביז אויף היינטיקן טאָג אין יאָר 1931 אַריין (זע ווייטער ז. 109—126, 280—302 א.א.; אויך די ביאָגראַפיעס פון העלד, הירשפעלד, שליונער, לעווין-עפּשטיין, קאַפּלאַנד, בערנשטיין, בענדזשאַמין א. א.).

דער לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט בראש מיט ד"ר יאָכעלמאַן (זע ווייטער 872—881) איז געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט „יעקאָפּאָ" אין די צייטן פון איינאָרדענען די היימלאָזע אין יאָר 1921 און ווייטער (זע ז. 71—72; 146—147 א.א.).

די דאָזיקע פערטע גרויסע אָרגאַניזאַציע, וואָס „יעקאָפּאָ" איז געקומען מיט איר אין באַרירונג ביי דער געמיינזאַמער אַרבעט, האָט אַרויסגעוויזן אַ באמת האַרציקע באַציאונג צו דעם גורל פון די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן און דערביי איז איר צוגאַנג צו דער אַרבעט געווען אַ העכסט געזעלשאַפטלעכער און קאָנסטרוקטיווער. להיפך צו די אַנדערע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס האָט זי זיך געהאַלטן ביי דעם פּרינציפּ פון אָנטרויען די אַרבעט די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע כחות און האָט אין ערגעץ ניט געפּרובט עפענען קיין אייגענע ביוראָען אָדער אַוועקשטעלן אייגענע מענטשן. איר ברידערלעכע מיטהילף אין די שווערע צייטן וועט תמיד דערמאָנט ווערן מיט דאַנקבאַרקייט.

ס'דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער פאַרגעשיכטלעכער עפּיזאָד צו דער שפּעטערדיקער גרינדונג פון דער וועלט-הילף-קאָנפערענץ, מיט וועלכער „יעקאָפּאָ" איז געשטאַנען אין פאַרשיידענע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען פון יאָר 1920 (זע ז. 123 א.א.) און ווייטער ביז איר ליקווידירונג אין יאָר 1925.

אָנהייב פעברואַר 1920 זיינען געקומען קיין ווילנע י. עפּרויקין (זע ז. 788—790) און מ. מאָדעל און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ריי באַראַטונגען מיטן געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" וועגן שטיצן זייער דעלעגאַציע קיין אויסלאַנד. י. עפּרויקין האָט אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיווע פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע דעם 4 פעברואַר 1920 אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן אָזויגערופענעם פאַראייניקטן קאָמיטעט אין רוסלאַנד, אין וועלכן ס'זיינען אַריינגעגאַנגען דער צענטראַלער ועד פון די קהילות און די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס (פּעטערבורגער „יעקאָפּאָ", „אָרט" און „אָזע") און וועגן דעם, אַז ער און מאָדעל פאָרן איצט אַלס דעלעגאַטן פון פאַראייניקטן קאָמיטעט קיין וואַרשע, פּאַריז און מעגלעך אויך ניו-יאָרק וועגן אַ ריי הילפס-ענינים. אויף דער צווייטער זיצונג, דעם 7 פעברואַר 1920, האָט עפּרויקין אַנטוויקלט דעם פּלאַן פון דער דעלעגאַציע: א) אינטערווענצן ביי דער באַוועגונג פון די היימלאָזע, ב) הילף פאַר די געליטענע אין אוקראַינע, ג) פאַרזאָרגן האַנטווערקער מיט רוישטאָפן און אינסטרומענטן, ד) גרינדן אַ יידישע נאַציאָנאַלע באַנק.

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

די עקזעקוטיווע פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע האט קיין רעזאלוציע וועגן דעם פלאן פון דער דעלעגאציע ניט אנגענומען. ס'איז בלויז אנגעוויזן געווארן, אז ס'איז נויטיק א קאארדינאציע אין דער ארבעט און אז די אנגעמערקטע פונקטן פון פלאן זיינען שוין באטראכט און טיילווייז דורכגעפירט אדער ווערן דורכגעפירט אין לעבן. דער געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע, וועלכער איז שוין דאן געווען ענג פארבונדן אין דער ארבעט מיטן ד. ד. ק. און איז אליין געווארן א זעלבשטענדיקע און אומאפהענגיקע ארגאניזאציע, האט ניט געקענט זיך בינדן מיט רעזאלוציעס אויף אויסלאנד. די דעלעגאציע איז אפגעפארן און אין אווגוסט 1920 איז אין קארלסבאד געגרינדעט געווארן די וועלטהילף-קאנפערענץ מיט י. עפרויקין אלס גענעראל-סעקרעטאר און פאקטישן פירער און האט עקסיסטירט אין פאריז פינף יאר צייט, אנטוויקלענדיק א גאנץ פארשיידנארטיקע און באדייטנדיקע הילפס-טעטיקייט, ניט באווייזנדיק אבער צו פארווירקלעכן די הויפט-פונקטן פון אויבנדערמאנטן פלאן.

*

אין די ווייטערדיקע ארטיקלען פון פנקס ווערט גענוי געשילדערט די ארבעט פון „יעקאפא" אויף פארשיידענע הילף- און אויפבוי-געביטן אין די יארן 1919—1930.

די צייט איז צום אנהויב געווען א שטורמישע, דערנאך — אן אומרואיקע, שפעטער א מער סטאביליזירטע, אבער פול מיט ווירטשאפטלעכע קריזיסן, וואס הערן ניט אויף ביז אויף היינטיקן טאג. די נאכווייענישן פון דער וועלט-מלחמה האבן זיך די גאנצע צייט געלאזן שטארק פילן און קענען זיך ניט באַרואיקן. זיי זיינען אפטמאל ניט ווייניקער גרויזאם אין זייערע רעזולטאטן, ווי מלחמה-אפעראציעס. נאר אנשטאט דעם גערויש און ליארם פון די שיסערייען, דעם קנאלן פון די הארמאטן, גראבן זיי שטיל און פארבאהאלטן, אבער טיף און געפערלעך, לאנגזאם, אבער זיכער. ס'איז א פערמאנענטע מלחמה, וואס אירע חורבנות אין ווילנער געגנט האבן מיר ניט אויפגעהערט אפצובויען אין משך פון די לעצטע 12 יאר אומאויפהערלעך און מיט דער גרעסטער אנגעשטרענגטקייט און מאמענטנווייז האט זיך געדוכט, אז מיר געפינען זיך ווידער אויף די פראנטן, ווי אין די ערשטע „יעקאפא"-צייטן.

די מענטשן — הן די, פאר וועלכע מען האט געטאן והן די, וואס האבן געטאן — זיינען אויסגעמאטערט און צובראכן, דער ביטערער קאמף מיט די אומשטענדן איז געווען א געמיינזאמער און איז נאך ניט פארענדיקט.

מען איז ארויס פון די אקאפעצ און טראנשייען, די באפעלקערונג האט זיך גענומען צו פרידלעכער ארבעט, די הייזער האט מען אפגעבויט, די גרויסע און דרינגנדע הילף און די עקשנותדיקע רעקאנסטרוקציע האבן געבראכט זייערע פאזיטיווע רעזולטאטן. אויף די חורבות פון די מלחמות און מהומות איז אויפגעבויט געווארן א נייער לעבן. שווער אבער איז דער דאזיקער לעבן און ניט אן ערך שווערער און גרויזאמער איז ער אין דער פיל-געפרובטער און דלותדיקער ווילנער געגנט. די טוער זיינען דא אין משך פון די יארן תמיד געשטאנען אויף באזונדערס געפערלעכע פאסטנס אין דער ערשטער פייער-ליניע און ביי באזונדערס אומגינסטיקע און אומדאנקבארע באדינגונגען.

צום יאר 1931 האט זיך בכלל געשאפן אן ערנסט-דראמאטישע לאגע פאר דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן און ספעציעל אין ווילנער געגנט. דער ווירטשאפטלעכער קריזיס האט זיך פארשארפט ביז גאר, די נויט איז געוואקסן מיט ניכע טריט, קיין בעסערע פערספעקטיוון האבן זיך אויפן האריזאנט ניט געזען, און גראד דאן, ווען די הילף פון אויסן איז ווידער געווארן אממערסטן נויטיק, האט זי אינגאנצן אויפגעהערט. דער גרויסער קריזיס און קראך אין אמעריקע און דערמיט דער וועלט-קריזיס האט אונטערגעהאקט די מעגלעכקייטן פון הילף. די פריוואטע קרובים-געלטער האבן זיך אלץ פארמינערט. דער „דזשוינט" האט כמעט ווי אינגאנצן אפגעשטעלט זיין שטיצע. ד"ר בערנארד כהן, וועלכער איז אין נאוועמבער 1930 געפארן קיין אמעריקע און האט אונטערהאנדלט מיטן „דזשוינט", איז געקומען פון דארט מיט א קליינעם און ניט זיכערן ביודזשעט. „היאס" האט נאך פריער אויפגעהערט צו געבן זיין געלט-טייל אין „היקעם". ד"ר מ. קריינין (זע ז. 883—893) און א. בענדזשאמין (זע ז. 722—723), וועלכע זיינען אין דעצעמבער 1930 געפארן קיין ניו-יארק אונטערהאנדלען מיט „היאס", האבן דערגרייכט נאר טיילווייזע רעזולטאטן. בלויז יק"א האט איר געלט-טייל אין „היקעם" ניט צוריקגעצויגן. די יידישע געזעלשאפטלעכקייט איז געבליבן אנגעוויזן אויף זיך אליין און האט זיך דערזען פאר א קאטאסטראפע. אין ווארשע האט זיך ארגאניזירט אן אלגעמיינער זאמלונגס-קאמיטעט פון „ארט", „טאז", „צענטאס" און „יעאס" אונטערן נאמען „אויפבוי און זעלבסטהילף", אבער דער שנעלער דערפאלג פון זיינע געלט-זאמלונגען איז געשטעלט אונטער א ספק. די מיטהילף פון דער רעגירונג און פון די זעלבסטפארוואלטונגען האט זיך ניט פארגרעסערט אדער איז אינגאנצן ניט געגעבן געווארן. די מיטלען פון דער ארטיקער באפעלקערונג זיינען געווען אויסגעשעפט.

אין פארשטארקטן טעמפ פון פארארעמונג אלס רעזולטאט פון די אומגעהייערע ווירטשאפטלעכע קריזיסן (וועלטישע און ארטיקע) און זייערע באגלייטערשיינונגען, ביי דער פאליטיש-עקאנאמישער באוועגונג, ארויסשטויסונג און איגנארירונג, ביים שווערן יאך פון כלליי שטייערן, צוואנגס-באשטייערונגען און אפצאלונגען, האבן די יידישע געזעלשאפטן, אינסטיטוציעס און חברות, אין געראנגל פארן קיום, זיך נאך מער געווארפן אויף פארשיידענע זאמלונגען, נדבות, בייטראגן און הילפסקייטן, אין שטאט און שטעטל, פון דערוואקסענע און אפילו פון קינדער. ס'האט אבער ניט געקענט געבן קיין גרעסערע רעזולטאטן און דער מצב פון דער נויטבאדערפטיקער יידישער באפעלקערונג איז געווארן נאך שווערער און די זעלבסט-הילף אפגעשוואכטער.

אן א שיעור פוחות און ענערגיע איז אוועקגעלייגט געווארן אין די לעצטע 12 יאר אויפן געביט פון הילף און אויפבוי. זייער פיל איז אויפגעטאן געווארן. די קאלאסאלע אנשטרענגונגען האבן געבראכט ממשותדיקע רעזולטאטן. די געגנט איז אויפגעבויט געווארן. די מענטשן געראטעוועט געווארן. די קינדער דערצויגן. די שטעט און שטעטלעך זיינען באדעקט געווארן מיט אינסטיטוציעס פון זעלבסטהילף און רעקאנסטרוקציע. אבער צום יאר 1931 הענגט ווי א כמארע אפהענגיקייט, פארלארנקייט און דערשלאגנקייט אויף דער יידישער גאס און אויף דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט און ניט נאר אויף דער יידישער. אין צוועלף יאר נאכן סוף פון דער וועלט-מלחמה, נאך אומאויפהערלעכער קאנסטרוקטיווער ארבעט און אויפבוי אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות, דערזעט מען זיך צוריק אין דער לאגע פון די פריערדיקע שווערע יארן (נאר אין אנדערע אויסערלעכע פארמען) פון נויט און האפנונגסלאזיקייט. די נאכווייענישן לאזן ניט אפ, אבער מען מוז זיי אנטגילטיק גובר זיין.

* * *

ארתאָקאס
י. יאָכועד

יורידישע הילף

אונזער באריכט נעמט אָרום 5 יאָר ארבעט פון דער יורידישער אָפּטײלונג בײם געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אין װילנע, ד. ה. די יאָרן 1920—1924.

דאָס זײנען געװען די ערשטע נאָך מלחמה-יאָרן, װען די גרױסע מאסן מענטשן, װעלכע זײנען אין אָנהײב פון מלחמה ארױסגעװאָרפן געװאָרן פון זײערע הײמען, האָבן זיך אױף אלע מעגלעכע ארטן און װעגן א לאָז געטאָן צוריק צו זײערע אלטע ערטער. גלײכצײטיק מיט זײ האָט זיך אױך אָנגעהױבן א באזונדערער שטראָם פון עמיגראנטן, פאר װעלכע פױלן איז געװען נאָר א טראנזיט-פּונקט קײן אַמעריקע און אַנדערע לענדער. די אַלע מאסן מענטשן, דורכגײענדיק די פּױלישע גרענעץ, זײנען געקומען אין באַרירונג מיט דער פּױלישער מאַכט און מיט די פּױלישע געזעצן; זײ האָבן באַדאַרפט זיך אײנאָרדענען יורידיש: באַקומען הײמישע אָדער אױסלענדישע פּעסער, באַשטעטיקן זײער מלוכה-אָנגעהעריקײט, באַקומען אַרײנפאָר-ערלױבענישן און אַ מעגלעכקײט זיך צו באַזעצן אין לאַנד.

אין דער זעלבער צײט זײנען דאָ פאָרגעקומען פארשײדענע נגישות און פארפאָלגונגען. עס זײנען פאָרגעקומען, אין אָנהײב פון דעם באַשרײבענעם פּעריאָד, ראַבירונגען, הריגות און אַרעסטן, װעלכע זײנען געװען ענג פארבונדן מיט דער מלחמה אָדער נאָך-מלחמה פּעריאָד.

נאָכדעם, װען די לאַגע האָט זיך באַפעסטיקט און עס איז געשאַפן געװאָרן אַ געװיסע װירקלעכקײט, איז אױסגעװאַקסן אין איר גאַנצער גרױס די פרעמדן-פראַגע, װעלכע איז נאָך ניט געלײזט געװאָרן ביז הײנטיקן טאָג און װעלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין שטענדיקע געפאַר פאַר דער רואיקײט און זיכערקײט פון אַ גרױסן טײל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

גלײכצײטיק אָבער מיט די אָנגעװײזענע אומשטענדן, װעלכע האָבן געבילדעט די שאָטן-זײט פון ייִדישן לעבן, האָט זיך גענומען אַנטװיקלען אין װילנע אַ געװיסער, שאַפנדער לעבן, מיט אַ גאַנצער רײ נײע פאָדערונגען און פּראָבלעמען. די חרוב געװאָרענע ערטער האָבן זיך גענומען אױפבױען; עס האָבן זיך אָנגעהױבן צו באַװײזן סמנים פון געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיװ אין דער פאָרם פון שולן, לײ-און שפּאָר-קאַסעס, ביבליאָטעקן, קהילות א. אז. װ.

ס'האָבן זיך אָנגעהױבן צו אַנטװיקלען האַנדל און אינדוסטריע.

אַט די אַלע אױבנאָנגעװיזענע פראַגן און פּראָבלעמען האָבן נאַטירלעך געמוזט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דער אַרבעט פון דער יורידישער אָפּטײלונג און דעריבער איז מעגליך לױט דער כראָנאָלאָגיע פון דער אַרבעט נאָכצוזען די אַנטװיקלונג פון די פּראָבלעמען, װעלכע האָבן געבילדעט דעם אינהאַלט פון דעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק און אַרבעט אין די אָנגעװיזענע 5 יאָר.

רעפּאַטריאַציע.

די װיכטיקסטע פּראָבלעם, מיט װעלכער די יורידישע אָפּטײלונג האָט פאַר דער צײט געהאַט צו טאָן, איז געװען די פּראָבלעם פון רעפּאַטריאַציע, אָן װעלכער עס איז ענג אָנגעשלאָסן די אָנגעװײטאָגטע „פרעמדן-פראַגע“.

די יורידישע הילף, װעלכע די אָפּטײלונג האָט געגעבן די רעפּאַטריאַנטן, האָט זיך אױסגעדריקט אין פאַרשײדנאַרטיקע פאָרמען. אַלס װיכטיקער פאַקטאָר איז דערבײ געװען דער אומשטאַנד, װאָס דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ האָט געהאַט צו זיך אַ גרױסן צוטרױ פון אַלע מאַכטן, בײ װעלכע עס האָט זיך געפונען דער גורל פון װילנער קאַנט: פון דער פּױלישער, רוסישער און ליטװישער מאַכט.

אין די יאָרן 1919 — 1921 האָבן געשפּילט אַ גרױסע ראָלע אַלס יורידישע הילף פאַר רעפּאַטריאַנטן די פּערזענלעכע באַשטעטיקונגען, װעלכע די יורידישע אָפּטײלונג פלעגט אַרױסגעבן פאַר די הײמלאָזע. די באַשטעטיקונגען האָבן געדינט צו צװײערלײ צװעקן. אױב דער הײמלאָזער איז נאָך געװען אין רוסלאַנד, האָבן די באַשטעטיקונגען באַקומען זײנע הײנע קרובים, װעלכע פלעגן דאָס איבערשיקן צום הײמלאָזן קײן רוסלאַנד. אין רוסלאַנד האָט די באַשטעטיקונג געהאַט די באַדײטונג, האָט די רוסישע מאַכט פלעגט אָנערקענען די געהעריקע פּערזאָן אַלס פּױלישן רעפּאַטריאַנט און פאַרשרײבן אים אין עשאַלאָן. דיזעלבע באַדײטונג האָט די באַשטעטיקונג געהאַט בײ די פּױלישע קאָנסולאַטן אין רוסלאַנד, װעלכע האָבן געגעבן די אַרײנפאָר-װיזע. דאָ אַרױסן אָרט איז אַזאַ באַשטעטיקונג געװען גילטיק אַלס פּערזענלעכער דאָקומענט אין דעם פאַל. װען דער געקומענער הײמלאָזער האָט צוליב װעלכע ניט איז גרונטן קײן בעסערע דאָקומענטן ניט געהאַט.

נאַטירלעך, מיט דער צײט, װען די מאַכט האָט זיך גענומען באַפעסטיקן, האָבן די באַשטעטיקונגען פון „יעקאָפּאָ“ אַלס מער און מער אָנגעהױבן צו פאַרלירן זײער באַדײטונג, אָבער דאַן איז זײער נײטיקײט שױן אױך פאַרקלענערט געװאָרן, װײל די גרעסערע מאַסן הײמלאָזע זײנען שױן צוריקגעקומען אױף זײערע ערטער. אין די יאָרן, אָבער, 1919 — 1921 האָבן זײ געשפּילט זײער אַ װיכטיקע ראָלע. האָבן אַ סך הײמלאָזע געגעבן די מעגלעכקײט זיך צוריקצוקערן אָדער זיך צו באַזעצן דאָ אױפן אָרט.

אין אײניקע פאַלן האָט די יורידישע הילף פאַר די הײמלאָזע אָנגענומען נאָך מער אומגעװײנלעכע פאָרמען אַדאַנק דעם, װאָס דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ האָט זיך דערװאָרבן בײ דער מאַכט דעם נאָמען פון אַ פאַרטײדיקער פון אַלע געליטענע פון דער מלחמה. עס איז געװען דאָ אָנצורופן די באַװאוסטע אין װילנע „קאָװנער עשאַלאָנען“, אַדאַנק װעלכע הונדערטער מענטשן, װאָס דער גורל האָט זײ פאַרװאָרפן קײן װילנע, האָבן באַקומען אַ לעגאַלע מעגלעכקײט אַרױסצופאָרן קײן קאָװנער ליטע. דאָס איז געװען אין יאָר 1920, — און ניט נאָר די איניציאַטיװ דערצו האָט געגעבן „יעקאָפּאָ“, נאָר אױך די גאַנצע רעגיסטראַציע פון די קאָװנער הײמלאָזע איז געפירט געװאָרן פון זײן יורידישער אָפּטײלונג.

אַן אַנאַלאָגישע הילף איז אױך געגעבן געװאָרן אַנדערע גרופּעס הײמלאָזע, װעלכע איז אױסגעקומען אױסצושטײן גרױסע שװעריקײטן בײם דורכגײן פאַרשײדענע גרעניצן. אַזױ האָט די יורידישע אָפּטײלונג אין יאָר 1921 אױסגעװירקט בײ דער פּױלישער מאַכט די ערלױבעניש אַריבערצוגײן די פּױליש-ליטװישע גרעניץ פאַר אַ גרופּע פון עטלעכע און זעכציק פאַמיליעס, װעלכע איז געקומען פון טיפן רוסלאַנד אױף אײגענע פּען, און אָנשטאָט אַרײנצופאָרן קײן קאָװנע, זײנען זײ געקומען קײן װילנע. אַזױ איז אין יאָר 1922 אױסגעװירקט געװאָרן, אַז די פּױלישע בירגער, װאָס אַנטלױפן פון קאָװנער ליטע, זאָלן ניט פאַרהאַלטן װערן פון דער פּױלישער מאַכט אױף דער נײטראַלער זאָנע אין קעלט און אין הונגער, ביז זײ װעלן ניט באַקומען פון װילנע קײן אַרײנפאָר-ערלױבעניש, װאָס פלעגט דױערן 3 — 4 חדשים. נאָר זײ זאָלן גלײך אַרײנגעלאָזן װערן קײן פּױלן און דאַן ערשט זאָל געפירט װערן אַן אױספאָרשונג װעגן זײער מלוכה-אָנגעהעריקײט.

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

טראנסעמיגראציע.

מיר באנוגענען זיך מיט די אויבנאָנגעוויזענע פאלן, צוליב דעם, וואָס דאָ האָט זיך געהאנדלט וועגן גרעסערע גרופּעס היימלאָזע. אינדיווידועלע הילף פאר היימלאָזע איז אָבער אויך געגעבן געוואָרן אין אלע נויטיקע פאלן לויט דער מעגלעכקייט. דאָזעלבע איז אויך גילטיק פאר טראנסעמיגראנטן, וועלכע האָבן זיך אָפט געפונען אין אַן ענלעכער לאגע ווי די היימלאָזע; זייער לאגע איז אָבער אָפטמאָל געווען פיל שווערער און הילפלאָזער צוליב דעם, וואָס די טראנסעמיגראנטן פלעגן קומען אומלעגאַל. דאָס לאנד און זיינע מנהגים זיינען פאר זיי געווען אַבסאָליוט פרעמד און די מאכט פלעגט שטרעבן מיט אלע מיטלען ארויסצושיקן זיי צוריק קיין רוסלאנד. דער ציל פון די טראנסעמיגראנטן איז געווען גרעסטנטיילס דורכצופאָרן דורך פוילן קיין אמעריקע, דערצו אָבער האָבן זיי זיך באדארפט אין פוילן לעגאַליזירן, ד. ה. באקומען אַן ערלויבניש דאָ צייטווייליק צו פארבלייבן, כדי נאָכדעם נאָך טויזנטער פאָרמאַליטעטן צו באקומען אַן אויסלענדישן פּאַס. די צאָל פאָרמאַליטעטן איז געווען דערביי אַזוי גרויס און האָט געפאָדערט אַזוי פיל צייט, אַז יעדער טראנסעמיגראנט האָט געמוזט פארבלייבן אין פוילן מער ווי אַ יאָר צייט, כדי צו באקומען די מעגלעכקייט ווייטער צו פאָרן. די מאכט, וועלכע וואָלט אפשר גאָר ניט געהאַט קעגן אַ באַוועגלעכער און פליסנדער טראנסעמיגראציע, ווייל דאָס האָט אריינגעבראַכט פיל געלט אין לאנד, האָט אָבער געקוקט זייער קרום, ווען די טראנסעמיגראנטן פלעגט אויסקומען לאנג פארזעצן זיך אין פוילן און ניט פאָרן ווייטער. עס פלעגן זיך דאַן אָנהייבן אויך בנוגע די עמיגראנטן אַ ריי פארפאָלגונגען און אין די אלע פאלן האָט געמוזט „יעקאָפּאָ" אינטערווענירן. אלס וויכטיקע דערגרייכונג אין דער הינזיכט קאָן דינען דער פאקט, וואָס אין אָנהייב 1922 האָט זיך דער יורידישער אָפּטיילונג איינגעגעבן צו לעגאַליזירן ביי 100 יידישע טראנסעמיגראנטן פון רוסלאנד, וועלכע עס האָט געדראָט צוריק ארויסגעשיקט צו ווערן און וועלכע זיינען באַוואוסט געווען אונטער דעם נאָמען „ראַקאָווער עמיגראנטן". די ווייטערדיקע ארבעט פאר די „ראַקאָווער עמיגראנטן" איז איבערגענומען געוואָרן פון דער עמיגראציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ", וועגן וואָס עס איז גענוי איבערגעגעבן אין דעם ארטיקל פון פרוי סטערניק, וועלכער ווערט געדרוקט ווייטער.

עמיגראציע.

די יורידישע ארבעט פאר די עמיגראנטן איז געפירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער ווילנער אָפּטיילונג פון „היאַס", וועלכע האָט פונקציאָנירט ביים גענעראַל-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ", אלס אַ טייל פון זיין עמיגראציע-אָפּטיילונג. די ארבעט איז געפירט געוואָרן הן פאר איינוואוינער פון פוילן, וועלכע האָבן געוואָלט עמיגרירן, הן פאר די טראנסעמיגראנטן, וועגן וועלכע עס איז גערעדט געוואָרן פריער. די ארבעט איז געווען זייער אַ שווערע און דויערנדע. יעדער עמיגראנט קיין אמעריקע האָט באדארפט דורכגיין 4 פּראָצעדורן: 1) באקומען אַ פוילישן בירגער- אָדער פרעמדן-פּאַס, 2) באקומען אַ וויזע פון עמיגראציע-אַמט אין ווארשע, 3) באקומען אַן אויסלענדישן פּאַס, און 4) באקומען אַ „נומער" פון אמעריקאַנער קאָנסולאַט. כדי צו באקומען אַן אויסלענדישן פּאַס, האָט מען נאָך באדארפט צושטעלן: 1) אַ צייגניש פון פּאָליציי וועגן פּאָליטישער זיכערקייט, 2) אַ צייגניש פון שטייער-אַמט, אַז אלע שטייערן זיינען פון דער באַטרעפנדער פּערזאָן אָפּגעצאָלט. פוילישע בירגער אין מיליטער-עלטער האָבן נאָך דערצו באדארפט צושטעלן אַן ערלויבניש פון מיליטער-מאכט אויף ארויסצופאָרן.

דער נידעריקער קולטורעלער מצב פון די עמיגראנטן, זייער ניט פארשטיין די פוילישע שפּראַך און די גרויסע שוועריקייטן און פאָרמאַליטעטן, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן אויף יעדן טריט און ביי יעדן ענין, וועלכן זיי האָבן באדארפט ערליידיקן ביי דער מאכט, האָט געבראַכט דערצו, אַז די גאַנצע ארבעט אין דער הינזיכט, וועלכע איז געווען אַזוי קאָמפּליצירט און גרויס צוליב דער צאָל עמיגראנטן און דער צאָל פאָרמאַליטעטן, האָט געמוזט נעמען אויף זיך די יורידישע אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ". דערביי איז די ארבעט געטאָן געוואָרן אינגאַנצן אומזיסט, ד. ה. פאר די גאַנצע ארבעט האָבן די עמיגראנטן ניט באדארפט צאָלן, אויסער נאַטירלעך די מלוכה-אָפּצאָלן. די יורידישע אָפּטיילונג האָט דאָ נאָך געמוזט אָנגעבן און צוזאַמענשטעלן אין נאָמען פון די עמיגראנטן אלע נויטיקע בקשות צו דער מאכט, באקומען פון איד אלע פּעסער, צייגנישן און וויזעס, ארויסגעבן די עמיגראנטן אייגענע פערזענלעכע איבערווייזן אָנשטאָט די אָפּגענומענע פּעסער א. אז. וו., אַזוי, אַז פאר דעם עמיגראנט איז געבליבן נאָר פאָרן קיין ווארשע און באקומען די אַנטגילטיקע וויזע, וועלכע האָט אים געגעבן

די מעגלעכקייט גלייך אַוועקצופאָרן. אַזוי ארום איז אויף דעם געביט געטאָן געוואָרן אַ גרויסע ארבעט, וועלכע קען אילוסטרירט ווערן מיט דער ציפער פון אומגעפער 1500 אויסלענדישע פּעסער און פּראָלאָנגאַטעס.

די הילף אויף די ערטער.

דער באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער יורידישער אָפּטיילונג אויפן געביט פון הילף פאר היימלאָזע, רעפּאַטריאַנטן און עמיגראנטן וואָלט ניט געווען פול, ווען דאָ וואָלט פארשוויגן געוואָרן די יורידישע הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די אָרטיקע קאָמיטעטן פון „יעקאָפּאָ", דורך די אָרטיקע קהילות און היימלאָזע-ביוראָען, וועלכע זיינען אלע אָנגעפירט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע.

אין פיל פאלן איז די הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף די ערטער, געווען ניט ווייניקער וויכטיג, ווי די הילף פון דער צענטראַלע און האָט געשפּילט זייער אַ באַדייטנדע ראָליע אין דעם ווייטערדיקן גורל פון די באַטרעפנדע פּערזאָנען. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט: דאָ אין צענטער האָט זיך די אינדיווידועלע הילף אויסגעדריקט אָדער אין לעגאַליזירן די אָדער יענע פּערזאָן, ד. ה. שאַפן פאר איר די יורידישע מעגלעכקייט אין לאַנד אָדער באַזאָרגן איר מיט אַן אויסלענדישן פּאַס, כדי זי זאָל קאָנען פאָרן ווייטער. אין גרעסטן טייל פאלן פלעגן אָבער די פּערזאָנען פארהאַלטן ווערן אויף דער גרענעץ, ביים קומען קיין פוילן, און דאַן האָבן זיי זיך געפונען אין געפאַר גלייך צוריקגעשיקט צו ווערן אַהין, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. אָט אין דעם מאָמענט זיינען זיי געקומען צו הילף די אָרטיקע אַנשטאַלטן און זייער אָפט האָבן זיי דורך זייער איינפלוס דערגרייכט, אַז די היימלאָזע אָדער עמיגראנטן זאָלן ניט צוריקגעשיקט ווערן און מען זאָל זיי ערלויבן צו פאָרן ווייטער, מען זאָל זיי ניט האַלטן ארעסטירט, מען זאָל ביי זיי ניט צונעמען די זאַכן א. אז. וו. באַזונדערס האָבן זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט: ראַקאָוו, מאָלאָדעטשנע, ווילייקע, ניי-סווענציאַן, גלובאָקע.

בירגערשאַפט.

איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן, מיט וועלכע די יורידישע אָפּטיילונג האָט געהאַט און האָט נאָך ביז היינט צו טאָן, איז די פראַגע פון פוילישער בירגערשאַפט. אלס צווייגן פון דער פראַגע קענען באַטראַכט ווערן די פרעמדן- און פּאַס-פראַגע. אָט די דריי אָנגעוויזענע

פראַגן האָבן געבילדעט און בילדן נאָך איצט דעם געביט, וועלכער פאָדערט אַן אָנגעשטרענגטע יורידישע הילף, ווייל אויף קיין אַנדער געביט האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט ניט באַקומען אַזוינע ווייטגייענדע רעכט, וועלכע זי נוצט אויס אין פולן מאָס, און אויף קיין אַנדער געביט איז ניט פאָרגעקומען אַזוי פיל אומגערעכטיקייטן.

אַלס יורידישער יסוד פון די אַלע פראַגן זיינען: דער פוילישער און מיטל-ליטווישער געזעץ וועגן בירגערשאַפט און דער רעפאַטריאַציע-אָפמאַך פון ריגער טראַקטאַט. מיט אָפציע, וועלכע איז פאָרגעזען דורך דעם ריגער טראַקטאַט, האָבן מיר דאָ אין דעם קאַנט ניט געהאַט צו טאָן, ווייל דער טערמין פון אָפטאַציע איז אויסגעגאַנגען אין איין צייט מיט דער פאַראייניקונג פון מיטל-ליטע מיט פוילן און אַלס ניט פוילישע בירגער האָט דאָך די באַפעלקערונג פון מיטל-ליטע זיך ניט געקאָנט מיט דער אָפטאַציע באַנוצן. מיר דערמאָנען אויך ניט דעם לעצטן צירקוליאַר פון אינערן-מיניסטער וועגן פאַרלייכטערונגען ביים באַקומען פוילישע בירגערשאַפט, ווייל ער איז ערשינען ביים סוף פון דעם באַשריבענעם פעריאָד און האָט חוץ דעם ביז איצט בכלל געגעבן ביי אונז זייער ווייניק פראַקטישע רעזולטאַטן.

די אויבנדערמאָנטע געזעצן וועגן פוילישער בירגערשאַפט האָבן אַ טענדענץ צו נעמען אין אַכט כמעט אויסשליסלעך די פערזאָנען, וועלכע זיינען פאַר דער מלחמה געווען צוגעשריבן צו די שטאַנד-ביכער פון די פוילישע געביטן. די אַדמיניסטראַטיווע פראַקטיק האָט די טענדענץ פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנסעקווענט-דורכגעפירטע פאָליטיק. נאָר אין מיטל-ליטע איז אין דער הינזיכט די רעכטלעכע לאַגע געווען אַ ביסל פרייער צוליב דעם, וואָס דער דעקרעט נומ. 56 האָט געשטיצט די בירגערשאַפט-רעכט אויף אַנדערע פרינציפן (וואוינען 5 יאָר פאַר דער מלחמה, אָדער פון 1-טן יאַנואַר 1918 א. אז. וו.). דאָס האָט אָבער ווייניק געענדערט די אַלגעמיינע לאַגע, ווייל די באַדייטונג דערפון איז געווען אַ ריין לאָקאַלע. נאָר די איינוואוינער פון ווילנע, וועלכע האָבן געבראַכט דאָקומענטאַלע באַווייזן, אַז זיי האָבן געוואוינט אין ווילנע פאַר דער מלחמה 5 יאָר אָדער ניט שפעטער פון 1-טן יאַנואַר 1918, האָבן אויסגענוצט דעם דעקרעט נומ. 56. אַנדערע ווילנער, וועלכע האָבן אַזוינע באַווייזן ניט געקאָנט צושטעלן, ווי אויך דער גאַנצער מיטל-ליטווישער פראָווינץ,

האָט דער דעקרעט ניט געבראַכט קיין נוצן, ווייל זעלטן-וואו אין פראָווינץ זיינען געפירט געוואָרן מעלדונגס-ביכער, און דאָרטן, וואו זיי זיינען אַמאָל יאָ געפירט געוואָרן, זיינען זיי אין מלחמה-צייט געוואָרן שוין לאַנג פאַרניכטעט. אויך אין ווילנע זיינען די אַמאָליקע מעלדונגס-ביכער אין אַ גרויסע צאָל פאַלן פאַרפאַלן געוואָרן. און אַזוי ווי עדות, אַלס באַווייז, זיינען געווען אַזוי גוט ווי אויסגעשלאָסן, קען מען אָננעמען, אַז נאָר צוגעשריבענע צו די אַמאָליקע שטאַנד-ביכער האָבן געקאָנט באַקומען פוילישע בירגערשאַפט.

דאָס האָט זיך זייער שווער אָפגערופן אויף דער רעכטליכער לאַגע פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. ערשטנס, האָבן ניט געקאָנט באַקומען קיין פוילישע בירגערשאַפט די, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון ראַטן-רוסלאַנד אָדער וועלכע זיינען אָנגעפאָרן אין אָנהייב פון דער מלחמה. דאָס זעלבע איז געווען מיט פיל רעפאַטריאַנטן, וועלכע האָבן פאַר דעם קריג שטענדיק געוואוינט אין פוילן, נאָר צופעליג זיינען זיי געווען צוגעשריבן צו די געביטן, וועלכע זיינען ניט אַריין אין דער פוילישער טעריטאָריע. עס זיינען אויך געבליבן אין דער לאַגע פון פרעמדע סיי רעפאַטריאַנטן, סיי אַנדערע גרופן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן ניט געקאָנט דערווייזן זייער צוגעהעריקייט צוליב דער פאַרניכטונג פון די שטאַנד-אָדער מעטרישע ביכער. און אַזוי ווי די אַלע פערזאָנען, וועלכע זיינען ניט אָנערקענט געוואָרן פאַר קיין פוילישע בירגער, זיינען אין דער זעלבער צייט מצד רוסלאַנד אויך ניט אָנגענומען געוואָרן אַלס רוסישע בירגער, האָט דאָס געשאַפן גרויסע מאַסן מענשן אָן שום בירגערשאַפט, וועלכע האָבן באַקומען אַן אָפיציעלן נאָמען פון בירגער פון דער געוועזענער רוסישער אימפעריע.

די באַציאונג פון דער פוילישער מאַכט צו דער קאַטעגאָריע „בירגערלאָזע" האָט זיך אויסגעדריקט: 1) אין אַרויסשיקן פון פוילן אַלע פרעמדע, וועלכע זיינען געקומען אומלעגאַל נאָך דעם 12 אָקטאָבער 1920.

2) אין אַרויסשיקן אַ געוויסע צאָל רעפאַטריאַנטן, וועלכע זיינען געקומען אויפן לעגאַלן וועג.

3) אין רעגיסטרירן און אַרויסגעבן אַלע אַנדערע פרעמדע די באַוואוסטע „קאַרטאַ פאָביטו", וועלכע האָט באַגרעניצט זייער רעכט זיך צו באַוועגן פריי אין לאַנד און זיך צו באַשעפטיקן מיט געוויסע פראָפעסיעס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די רעכטלאָזע

לאַגע פון פרעמדע האָט געפאָדערט אַן אויסערגעוויינליך ענערגישע הילף פון די געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן. די הילף איז געגעבן געוואָרן אין זייער אַ ברייטן מאָס און איז באַשטאַנען:

1) אין אינפאָרמאַציעס און עצות וועגן באַקומען פוילישע בירגערשאַפט, וועגן רעגיסטראַציע-פליכט און וועגן דעם, צו די אָדער יענע פערזאָן מוז פאַרלאָזן די גרעניצן פון פוילן.

2) אין ווענדונגען צו דער מאַכט און אינטערווענצן וועגן אַרויסשיקונגען, גירושים, בירגערשאַפט-פראַגע וכדומה.

די דערמאָנטע יורישע הילף איז געגעבן געוואָרן ניט נאָר דורך דער יורידישער אָפטיילונג פון „יעקאָפאָ", נאָר אויך דורך דער ביוראָ פון הרב רובינשטיין, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער מיטווירקונג פון „יעקאָפאָ" און וועלכע האָט זיך ספעציעל באַשעפטיגט מיט פאַרשיידענע השתדלותן און אינדיווידועלע פראַגן פון פרעמדע און בירגערשאַפט. ביידע דערמאָנטע אַנשטאַלטן האָבן געאַרבעט אויף דעם אָנגערופענעם געביט אין פולן קאָנטאַקט און האָבן בייגעהאָלפן און דערגאַנצט איינע די אַנדערע.

זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די אינטערעסן ניט נאָר פון איינצעלנע פערזאָנען אָדער באַשטימטע גרופן, נאָר האָבן זיך ניט איינמאָל געווענדעט סיי צו דער אויבערער סיי צו דער צענטראַלער מאַכט וועגן פראַגן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינע און פרינציפיעלע באַדייטונג.

אַזוי זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אַ ריי מעמאָראַנדומס וועגן בירגערשאַפט פון די פערזאָנען, ביי וועלכע עס זיינען פאַרפאַלן געוואָרן די אַלטע דאָקומענטן און וועלכע וואָלטן געקענט דערווייזן די בירגערשאַפט פון זייערע באַזיצער: וועגן פעסטשטעלן די בירגערשאַפט פון די איינוואוינער פון געוועזענעם פראָנט-באַס, וואו עס זיינען פאַרברענט אָדער אַרויסגעפירט געוואָרן אַלע שטאַנד-און מעטרישע ביכער; וועגן בירגערשאַפט פון די פערזאָנען, וועלכע שטאַמען פון די געגנטן, וועלכע געהערן איצט צו דער טעריטאָריע פון ליטע.

איינציקע מעמאָראַנדומס האָבן געטראָגן אַ קאָמפליצירטן יורידישן כאַראַקטער און האָבן אַרומגענומען אַלע פעלערהאַפטע זייטן פון די עקזיסטירנדע געזעצן וועגן פוילישער בירגערשאַפט.

גירושים.

זייער צאָלרייך זיינען געווען די אינטערווענצן וועגן אַרויסשיקונגען בפרט און וועגן אַלגעמיינעם גירוש בכלל. זיי זיינען

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

אויך דורכגעפירט געוואָרן אָדער פון דער יורידישער אָפּטיילונג אָדער פון דער ביורא פון הרב רובינשטיין. אין די פאַלן, ווען די אינטערווענץ האָט באַרירט א פראַגע, וועלכע איז געווען באַזונדערס וויכטיג און האָט ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן מיט די אייגענע קרעפטן, האָט די יורידישע אָפּטיילונג זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די יידישע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, ווי דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט, אוקראַאינער קאָמיטעט א. ז. וו. מיט דער הילף פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך אָפט איינגעגעבן צו ערליידיגן דורך וואַרשע אַזויגע פראַגן, וואו די אָרטיגע מאַכט האָט אָפּגעזאָגט. אלס ביישפּיל קען מען דאָ ברענגען די אינטערווענץ פון נאַציאָנאַל־ראַט, א דאַנק וועלכער דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט אָפּגעהאַלטן א גרופּע רעפאַטריאַנטן, וועלכע זיינען פון דער ווילנער מאַכט באַשטימט געוואָרן צום אַרויסשיקן. עס פאָדערט אויך דערמאָנט צו ווערן די אינטערווענץ פון אוקראַאינער קאָמיטעט, אַדאַנק וועלכער א גרופּע היימלאָזע, וועלכע עס האָט געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין רוסלאַנד מיטן עטאַפּ, האָט באַקומען רוסישע וויזעס און די מעגליכקייט אויפן אייגענעם חשבון פריי אַרויסצופאָרן קיין רוסלאַנד. אויך ווען איינצעלנע פּערזאָנען איז אויסגעקומען אָפט צו אינטערווענירן דורך די צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע און אין פיל פאַלן האָבן די אינטערווענצן געגעבן א געוויסן ערפאָלג.

אָפטמאָל איז די איניציאַטיוו אין די פראַגן ווען יורידישער הילף פאַר היימלאָזע און עמיגראַנטן געגעבן געוואָרן פון די יידישע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע און דאַן איז די דאָזיקע אַרבעט אין אונזער געגנט דורכגעפירט געוואָרן דורך דער יורידישער אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ“. אַזוי האָט די יורידישע אָפּטיילונג דורכגעפירט לויט דעם אויפטראָג פון אוקראַאינער קאָמיטעט די רעגיסטראַציע פון געוויסע גרופּן עמיגראַנטן, וואָס האָט געגעבן די מעגליכקייט אויסצווירקן א פּראָלאָנגאַציע פאַר די עמיגראַנטן, וועלכע האָבן באַדאַרפט צוזאַמען מיט אַנדערע פרעמדע אַרויסגעשיקט ווערן פון פּוילן אין 1922 יאָר. די יורידישע אָפּטיילונג האָט אויך דורכגעפירט א רעגיסטראַציע דורך די קרובים פון די היימלאָזע, וועלכע ווילן זיך אומקערן פון רוסלאַנד, אויפן גרונט פון וועלכער דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט בדעה אויסצווירקן, זיי זאָלן באַקומען די מעגליכקייט, זיך אומצוקערן קיין פּוילן.

אויפבוי.

די דריטע פּראָבלעם, מיט וועלכער די יורידישע אָפּטיילונג האָט זיך געטראָפן אין איר אַרבעט, און וועלכע איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער היימלאָזע־פראַגע, איז געווען די פּראָבלעם פון אויפבוי. שוין ביי די ערשטע נאָך ניט דערפאַרענע טריט אויף דעם געביט, האָט זיך די פּראָבלעם אַרויסגעוויזן אַלס זייער אַן ערנסטע און קאָמפּליצירטע צוליב די פאָלגנדע גרונדן: די הלוואות, וועלכע האָבן געזאָלט אַרויסגעגעבן ווערן אויף אויפבוי, האָבן באַדאַרפט פאַרזיכערט ווערן מיט די פּלעצער, אויף וועלכע די הייזער האָבן געזאָלט אויפגעבויט ווערן. אַלס ערשטע באַדינגונג דערצו האָבן די רעפּאַטריאַנטן באַדאַרפט פאַזיצן די געהעריקע דאָקומענטן אויף זייערע פּלעצער. אָבער שוין ביי דער ערשטער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די באַפעלקערונג פון פיל ערטער האָט אַזעלכע דאָקומענטן ניט, אָדער צוליב דעם, וואָס זיי זיינען אין דער מלחמה־צייט פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער ווייל זיי זיינען גאָר קיין מאָל ניט געווען.

אַזוי אָבער ווי די דאָזיגע דאָקומענטן האָבן געמוזט געשאַפן ווערן, איז מען געווען געצוואונגען אָנצוקומען צום געריכט וועגן פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון ערד־באַזיץ פון יעדער פּערזאָן, וועלכע האָט באַדאַרפט באַקומען א הלוואה אויף אויפבוי. די יורידישע אָפּטיילונג האָט דאַן אויסגעאַרבעט א מוסטער פון א בקשה צום געריכט און פונאַנדערגעשיקט אים אין א סך עקזעמפּליאַרן אויף דער פּראָווינץ. אַזעלכע מוסטערן זיינען געווען צווייערליי, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין אונזער קאַנט זיינען דאָ צוויי פאַרשיידענע פאָרמען פון ערד־באַזיץ אין די שטעטלאַך: אייגנטום־רעכט און צינז־רעכט. עס זיינען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן גענויע אינסטרוקציעס ווי זיך צו באַגיין מיט די בקשות, ווי זיי אויסצופילן און אָנצוגעבן. אין ווייטערדיקן גאַנג פון דער געריכטס־אַקציע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לאַנגזאַמקייט פון די געריכטן, וועלכע האָבן געהאַלטן די בקשות ניט ערליידיגט אין משך פון 5—6 חדשים, דראָט אָפּצורוקן דעם אָנהייב פון א ברייטער אויפבוי־אַקציע אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין, ווייל די צאָל פּערזאָנען, וועלכע האָבן יאָ געהאַט דאָקומענטן אויף זייער ערד, איז געווען זייער באַגרענעצט. דאַן האָט זיך די יורידישע אָפּטיילונג געווענדעט צום פאָרזיצער פון ווילנער קרייז־געריכט מיט א גענוי־באַגרינדעטער בקשה און

אויסקלערונג פון דער לאַגע, און דער לעצטער האָט אַרויסגעשיקט צו אַלע פרידנס־ריכטער א צירקוליאַר, אַז אַלע ענינים פון מלחמה־געליטענע וועגן זייער ערד־באַזיץ זאָלן ניט פאַרהאַלטן ווערן און זאָלן ערליידיגט ווערן אין דער ערשטער ריי. דער צירקוליאַר האָט געהאַט זייער א גרויסע ווירקונג און האָט געבראַכט דערצו, אַז די געריכטס־פּראָצעדור האָט זיך פאַרקירצט ביז א מינימום און איז דערליידיגט געוואָרן אין זייער א קורצע צייט.

אין איניקע ערטער האָבן זיך ביים דורכפירן די פּראָצעדור אַרויסגעשטעלט געוויסע פאָרמעלע שוועריקייטן, וועלכע האָבן ניט געקאָנט ערליידיקט ווערן דורך די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען זעלבסט. אין די ערטער האָט די יורידישע אָפּטיילונג דעלעגירט צו דער געריכטס־באַהאַנדלונג איר יוריסט. אַזוי איז עס פאָרגעקומען אין ווידז, וואו קיינער פון די איינוואוינער האָט ניט געהאַט קיין דאָקומענטן אויף זיינע ערד און איצט האָט די גאַנצע באַפעלקערונג אַלע דאָקומענטן, וועלכע רעגולירן פולשטענדיג איר אייגנטום־רעכט.

אויך אַנדערע שוועריקייטן האָבן זיך געשטעלט אויפן וועג פון דער אויפבוי־אַרבעט, וועלכע די יורידישע אָפּטיילונג האָט געמוזט באַזייטיקן. אַזוי האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פיל פּלעצער זיינען אין דער צייט פון מלחמה פאַרכאַפּט געוואָרן פון פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס די אייגנטימער האָבן זיך א לאַנגע צייט ניט געקאָנט אומקערן פון רוסלאַנד און האָבן אויף זייערע פּלעצער אויפגעבויט אייגענע הייזער, באַקומענדיק אויף דעם אַן ערלויבעניש פון די בוי־אָפּטיילונגען ביי די סטאַראָסטוועס. די יורידישע אָפּטיילונג האָט זיך וועגן דעם געווענדעט צו די סטאַראָסטוועס פון די חרוב־געוואָרענע ערטער און האָט אויסגעווירקט, אַז כדי צו באַקומען אַן ערלויבעניש זיך צו בויען, האָט מען געמוזט צושטעלן דאָקומענטן אויף די ערד אָדער א באַשטעטיקונג פון דער גמינע־מאַכט, אַז דער חלק ערד איז אַן אייגענער.

אַזוי אַרום זיינען ביסלעכווייז באַזייטיגט געוואָרן אַלע יורידישע שוועריקייטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן וועג פון דער אויפבוי־אַקציע און עס איז געגעבן געוואָרן די מעגליכקייט צוצוטרעטן צו איר. דער צווייטער עטאַפּ אין דער יורידישער זייט פון דער אויפבוי־אַקציע איז געווען דאָס עפענען פון היפּאָטעקן. דאָס היפּאָטעק־סיסטעם, וועלכע איז אָנגעהויבן איינגעפירט צו ווערן אין אונזער קאַנט אין

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

יאָר 1919. איז בײַם אָנהייב פון דער אויסבוי-אַקציע נאָך געווען ווייניק פּאָפּולער, וואָס האָט זיך באַזונדערס געלאָזט פילן אין די שטעטלאַך. געבנדיק די באַפעסטיקונג פון ערד-באַזיץ, שטעלט די היפּאָטעק גלייכצייטיק פאַר א גרויסע געפאַר פאַר די באַזיצער פון די צינש-פּלעצער. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז די פּריצים, צו וועלכע עס געהערן די צינש-שטעטלאַך, פאַרשווייגן בײַם עפענען די היפּאָטעקן וועגן דער עקזיסטירונג פון צינש-פּלעצער אין זייערע שטעטלאַך, וואָס קען בײַ געוויסע באַדינגונגען ברענגען דערצו, אַז די צינשעויקעס זאָלן פאַרלירן זייערע צינש-רעכט. די יורידישע אָפּטיילונג האָט אַלס ערשטע באַמערקט די געפאַר און אַלס ערשטע געווענדעט אויף דעם פאַקט די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּראָווינציעלער באַפעלקערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסבוי-אַקציע. מען דאַרף באַמערקן, אַז די באַפעלקערונג האָט אין דער פראַגע אַרויסגעוויזן א גרויסע גלייכגילטיקייט און מען האָט געמוזט אָנגעמען זייער ענערגישע מיטלען כּדי צו ענדערן דעם מצב. ס׳זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן די געהעריקע צירקולאַרן, ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן אינטערווענצן מצד די באַפולמעכטיגטע און אויב ס׳האָט אַלץ ניט געהאָלפן, איז באַשטימט געוואָרן ניט אַרויסצוגעבן די הלוואות, כּל זמן ס׳וועלן ניט ערלייגט ווערן די פאָרמאַליטעטן אין דער היפּאָטעק. די מיטלען, וועלכע זיינען דערבײַ אָנגעוויזן געוואָרן די צינשעויקעס, זיינען געווען: אָדער צווינגען די פּריצים צו אונטערהאַנדלונגען דורך ניט דערלאָזן צו רעגולירן זייער היפּאָטעק אָדער אויסקויפן די פּלעצער אין די פאַלן, ווען די היפּאָטעק איז שוין רעגולירט געוואָרן. די דאָזיגע אַקציע האָט זיך גרעסטנטיילס אײַנגעגעבן און אין די שטעטלאַך, אין וועלכע עס איז געפירט געוואָרן די אויסבוי-אַקציע, זיינען די צינשעויקעס באַוואָרנט געוואָרן אָדער דורך דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעקויפט זייערע פּלעצער, אָדער דורכדעם, וואָס זייערע רעכט זיינען געזיכערט געוואָרן דורך די היפּאָטעק. נאַטירליך, די פּערזאָנען, וועלכע האָבן געהאַט אייגענע ערד, האָבן די אַלע שוועריקייטן ניט דורכגעמאַכט און האָבן געקאָנט אויפן גרונד פון זייערע דאָקומענטן גלייך אײַנפירן פאַר זייערע פּלעצער היפּאָטעק-ביכער.

אָט די דאָזיקע גאַנצע אַרבעט, וועלכע איז אַזוי אַרום באַשטאַנען: 1) אין שאַפן פאַר דער באַפעלקערונג דאָקומענטן אויף די פּלעצער, 2) אין פאַרזיכערן די רעכט

פון די צינשעויקעס און 3) אין באַזאָרגן יעדן בונה מיט א היפּאָטעק-בוך

און וועלכע איז געווען אונטערגענומען ניט אַלס זעלבסטשטענדיקער ציל, נאָר אַלס מיטל צו פאַרזיכערן די אַרויסגעגעבענע הלוואות, האָט אָבער אין דער פּראַקטיק באַקומען א גאַנץ זעלבסטשטענדיקע באַדייטונג און האָט געבראַכט צו דער באַפעסטיגונג פון יידישן ערד-באַזיץ אין אונזער קאַנט. מען דאַרף באַמערקן, אַז די באַפעסטיגונג האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט די צושטערטע שטעטלאַך. וואו עס איז געפירט געוואָרן די אויסבוי-אַרבעט: די יורידישע הילף אויף דעם געביט איז געגעבן געוואָרן אין א ווייט גרעסערן אומפאַנג און האָט זיך פאַרשפּרייט אויף אַלע ערטער, וואו די יורידישע באַדינגונגען זיינען געווען אַנאַלאָגיש מיט די אין די חרוב-געוואָרענע שטעטלאַך. די אַרבעט אין דער הינזיכט האָט געהאַט א זעלבסטשטענדיקן כאַראַקטער און איז געפירט געווען מיטן פולן באַוואוסטזיין פון איר באַדייטונג.

אָרגאַניזאַציע.

א גאַנץ זעלבסטשטענדיגער צווייג פון דער אַרבעט פון דער יורידישער אָפּטיילונג זיינען אירע באַמיִונגען צו שאַפן אָדער צו באַפעסטיגן די אָרטיגע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן צו בילדן פרין פון 1920 יאָר. מיר מיינען דאָ די קאָאָפּעראַטיוון און באַזונדערס די קאָאָפּעראַטיווע לייַ-און שפּאָר-קאַסעס, (וועלכע רופן זיך איצט פאָלקס-בענק), ביבליאָטעקן, שולן און אָפּטיילונגען פון „יעקאָפּאָ“ אויף דער פּראָווינץ. עס דאַרף קאָנסטאַטירט ווערן, אַז די לייַ-און שפּאָר-קאַסעס אויף דער פּראָווינץ, ווי אויך די שפּייז-קאָאָפּעראַטיוון, זיינען געבילדעט געוואָרן מיט דער הילף פון דער יורידישער אָפּטיילונג. פאַר דער צייט פון מיטל-ליטע זיינען די לייַ-און שפּאָר-קאַסעס לעגאַליזירט געוואָרן דורך דער פינאַנץ-מאַכט און די געווערבס-קאָאָפּעראַטיוון דורך דער פּאָליטיש-אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. הײַנט עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אויף אונזער קאַנט דער קאָאָפּעראַטיווער געזעץ, דאַרפן אַלע קאָאָפּעראַטיוון רעגיסטרירט ווערן דורכן קרייז-געריכט. די אַלע דערמאָנטע לעגאַליזאַציעס און רעגיסטראַציעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער יורידישער אָפּטיילונג. פאַר די ביבליאָטעקן האָט די יורידישע אָפּטיילונג אויסגעאַרבעט א ספּעציעלן סטאַטוט, וועלכער איז געבויט אויף די עקזיסטירנדע געזעצן וועגן די געזעלשאַפטן, ווי אויך בנוגע אינסטרוקציעס וועגן זייער לעגאַליזאַציע.

וועגן לעגאַליזאַציע פון שולן האָט די יורידישע אָפּטיילונג פונאַנדערגעשיקט ספּעציעלע צירקולאַרן. אין די ערטער, וואו עס האָט זיך געפונען א געוויסע צאָל מיטגלידער פון „יעקאָפּאָ“, האָט די יורידישע אָפּטיילונג געשאַפן אָרטיגע אָפּטיילונגען פון „יעקאָפּאָ“, אַרום וועלכע ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע קרעפטן פון דעם אָרט און מיט וועלכע די מאַכט רעכנט זיך אַלס מיט אָרטיגע קהלות און פאַרשטייער פון דער אָרטיגער יידישער באַפעלקערונג.

רעגיסטראַציעס.

אין משך פון איר טעטיקייט האָט די יורידישע אָפּטיילונג דורכגעפירט צוויי גרויסע רעגיסטראַציעס: וועגן די מלחמה-היזקות און וועגן די פּאָגראָמען. די ערשטע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג און האָט באַטראָפן די היזקות, וועלכע די ציווילע באַפעלקערונג האָט געליטן פון אַלע אָקופּאַציע-מאַכטן. די יורידישע אָפּטיילונג איז געקומען דער פּראָווינץ צו הילף אין דער פראַגע, האָט פונאַנדערגעשיקט צירקולאַרן וועגן דער באַדייטונג פון דער רעגיסטראַציע ווי אויך אַלערליי אַנקעטעס וועגן די מלחמה-היזקות. די אויסגעפילטע אַנקעטעס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין די אָפּשאַצונגס-קאָמיסיעס, וועלכע די פּוילישע רעגירונג האָט צו דעם צוועק געבילדעט. ליידער האָט די גאַנצע אונטערנעמונג ביז הײַנטיגן טאָג ניט געגעבן קיין ממשותדיגע רעזולטאַטן, און די אַנקעטעס זיינען אין דער צייט פון דער רוסישער אינוואַזיע אין יאָר 1920 אַרויסגעפירט געוואָרן אין טיף פּוילן, וואו זיי ליגן ביז הײַנטיגן טאָג.

די צווייטע רעגיסטראַציע, וועלכע די יורידישע אָפּטיילונג האָט אַליין אָרגאַניזירט און דורכגעפירט, איז געווען די רעגיסטראַציע פון די פּאָגראָמען, וועלכע אונזער געגנט האָט דורכגעלעבט אין זייער א שווערער פאָרם און וועלכע האָבן איר גרונטלעך צורואינירט. א באַזונדערע רעגיסטראַציע איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אין שטאָט ווילנע גופא.

צירקולאַרן.

איינע פון די וויכטיקסטע פאָרמען, וועלכע די יורידישע הילף האָט אָנגענומען, איז געווען די פאָרם פון צירקולאַרן וועגן די פראַגן, וועלכע זיינען געווען באַזונדערס וויכטיק פאַר דער פּראָווינץ. די צירקולאַרן האָבן געשפּילט א גרויסע ראָלע אַלס א מיטל צו באַקאַנען די ברייטע שיכטן פון דער פּראָווינצעלער באַפעלקערונג מיט פאַרשיידענע פראַגן פון דער נייער פּוילישער געזעצגעבונג

װעגן אַדמיניסטראַטיװע און ציװילע ענינים. די װיכטיקסטע פון די צירקולאַרן זײַנען געװען:

1) װעגן לעגאַליזירן געזעלשאַפטן;
2) װעגן פאַרזאַמלונגען;
3) װעגן לעגאַליזירן שולן;
4) „ לעגאַליזירן קאָאָפּעראַציװן;
5) „ ערד־אויסקויפן;
6) „ אַרענדירטע פּלעצער אין די שטעטלעך;
7) „ באַפרײַען נײַע הײַזער פון שטײַערן;
8) װעגן ערלױבענישן אויף בויען הײַזער:
9) „ רעקװיזיציע פון לאָקאַלן.

עס דאַרף אויך באַמערקט װערן, אַז אַדאַנק דער איניציאַטיװ פון דער יורידישער אָפּטײלונג איז אין סײם אַרײַנגעטראָגן געװאָרן אַן אָנפראַגע װעגן רעקװיזיציע פון לאָקאַלן אין די מזרח־געביטן.

אינדיװידועלע הילף.

מיר גײען איצט אַריבער צו אײנער פון די פאַרשפּרײטסטע און אַזױ צו זאָגן טאָג־טעגלעכע פאָרמען פון יורידישער הילף, װעלכע די אָפּטײלונג האָט געגעבן אין די פאַרגאַנגענע 5 יאָר—צו דער אינדיװידועלער יורידישער הילף.

די גיכע הילף איז אין אַלגעמײנע שטריכן שױן אַרומגערעדט אין די פריערדיקע טײלן פון דעם באַריכט, װען עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן די פראַגן פון הײמלאָזע, ארפּבּרי, פרעמדע, פּעסער־פראַגע א. ז. װ. די האָט זיך אָבער ניט באַגרעניצט מיט די פראַגן און האָט אַרומגענומען אַלע יורידישע ענינים, װעלכע זײַנען נאָר אַנטשטאַנען בײַ דער באַפעלקערונג, ד. ה. זי האָט אויסער די דערמאָנטע פראַגן אויך אַרומגענומען אַלע רײן־פּריװאַטע אַדמיניסטראַטיװע, ציװילע און קרימינעלע ענינים. לױט דער פאָרם איז זי באַשטאַנען אין שריפטלעכע און מינדלעכע עצות, אין שרײַבן בקשות און אין װיכטיקערע פאַלן אויך אין אינטערװענצן. אין ציפערן דריקט זיך אויס די אינדיװידועלע הילף אומגעפער אַזױ: אַלגעמײנע צאָל װענדונגען 6000. 2) עצות געגעבן 4500. 3) אָנגעשריבן בקשות 1200. 4) אינטערװענצן 300.

די אַרבעט פאַרן קאָמיטעט.

די געביטן פון יורידישע הילף, װעלכע זײַנען ביז אַהער אויסגערעכנט געװאָרן, נעמען ניט אַרום די יורידישע אַרבעט, װעלכע איז געטאָן געװאָרן פאַרן קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ גופא. דער קאָמיטעט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך זײער אַ גרױסע אָרגאַניזאַציע מיט אַ פאַרצװײַגטער טעטיקײט און האָט אויף יעדן טריט געהאַט צו טאָן מיט די אָרטיקע און אויך צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען, װי אַדמיניסטראַטיװע, געריכטלעכע און קאָמונאַלע. די פאָרשטײערשאַפט בײַ די אָרגאַנען פון דער מאַכט האָבן געפירט באַפולמעכטיקטע מיטגלידער פון קאָמיטעט אָפט צוזאַמען מיט דער יורידישער אָפּטײלונג, װעלכע האָט אויך ערלײדיקט אַלע פאָרמאַליטעטן, װאָס האָבן זיך דערבײַ געפאָדערט.

י. װאָלק

הײמלאָזע און רעפּאַטריאַנטן

ערשטע תּקופה.

גיכע הילף.

די הײמלאָזע־פּראָבלעם בכלל איז נאָך ניט אויסגעשעפּט אינגאַנצן. נאָך זײַנען טויזנטער נע־ונד אין דער גרױסער װעלט און האָבן קײן תּקומה ניט. די ייִדישע באַפעלקערונג אין אונזער געגנט, װעלכע האָט געבילדעט אַ באַדײַטנדן טײל אין דער הײמלאָזע־אַרמײ און װעלכע האָט אַ גרױסן חלק אין דער מאַרטיראָלאָגיע פון דער װעלט־מלחמה, איז נאָך װײַט־װײַט ניט געקומען צו זיך. דאָך איז פאַר די זעקס יאָר 1919—1924 דורכגעמאַכט געװאָרן אַ היבש בלעטל־געשיכטע פון פּאָזיטיװער אַרבעט, װעלכע קען שױן איצט אונטערגעצױגן װערן.

פאַרשײדנאַרטיק איז געװען דער הײמלאָזע־עלעמענט און פילאַרטיק זײַן באַגריף. דער בראשית־טערמין „הײמלאָזע“ הערט אויף אין משך פון דער קורצער, אָבער שװערער צײַט, צו זײַן אַ שם־תּואר נאָר פאַר די פאַרטריבענע און פאַרװאָגלטע פון אַמאָל. האָבנדיק הינטער זיך אַ היסטאָריע פון איבער צען יאָר און דורכמאַכנדיק פאַרשײדענע גלגולים, װערט ער באַרײַכערט מיט אַ סך ניואַנסן און אויסטײַטשונגען. ער װערט פאַרװאַנדלט אין אַ שם־עצם כּללי און װערט אָנגעװענדעט צו נײַע גרױסע, מיטן־דער־צײַט צוגעקומענע, מחנות לײַדנדע און באָדנלאָזע. הצד השוה ש:הם. װאָס אַלע זײַנען זײ אַ פּועל־יוצא פון אײן שורש: הײמלאָזע:

א) רעעמיגראַנטן (רעפּאַטריאַנטן): דאָס זײַנען די צענדליקער טויזנטער נפשות, װאָס האָבן אין די מלחמה־יאָרן פאַרלאָזן האָב און גוטס און אַנטלאָפן, װאו די אויגן טראָגן. צו זײ געהערט אויך די גרױסע עדה ייִדן פאַרטריבענע איבערגעװאַלד פון זײערע אײַנגעזעסענע ערטער. איצט רעעמיגרירן זײ צוריק אַהײם.

ב) עמיגראַנטן: װאַנדערער, װעלכע זײַנען געקומען אַהער בכּװנה תּחילה צו עמיגרירן קײן אַמעריקע, ארץ־ישׂראל און אַנדערע לענדער.

ג) הײמלאָזע: אַ סטיכיע פון פאַרפאָלגטע פון די פּאָגראָמען, שחיטות און איבערמענטשלעכע איבערלעבונגען אין אוקראַינע און װײַסרוסלאַנד. דערקלײַבן זיך מיט גרױס מאַטערניש און יסורים קײן פּױלן מיטן אײנציקן געדאַנק פון געפינען דאָ אַ שוץ און אָפּרו.

ד) אַנגעלאָפענע: אַ פּראָדוקט פון די איבערגאַנגס־געשעענישן אין אונזער געגנט. די שוצלאָזיקײט אין דער קלײן שטעטל טרײַבט זײ אין די אָרימס פון דעם גרעסערן צענטר און װערן בין־לילה הײמלאָז.

ה) מגורשים פון ליטע: ייִדן פון פּױלן, װעלכע האָבן אַ לענגערע צײַט געװױנט אין ליטע און זײַנען אין אַ גוטן פרימאָרגן אַנערקענט געװאָרן פאַר „פרעמדע“ און אַרויסגעשיקט געװאָרן פון די ליטװישע גרעניצן.

ו) מגורשים פון פּױלן: די גרױסע כּתּה הײמלאָזע, װעלכע זײַנען געקומען קײן פּױלן נאָכן חודש אָקטאָבער 1920 און אויף װעלכע ס'איז נגזר געװאָרן צו פאַרלאָזן פּױלן לױט די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט.

ז) ניט רעגיסטרירטע: די אַלע פּערזאָנען, ניט פּױלישע בירגער, װעלכע האָבן לױט די תּקנות געדאַרפט זיך רעגיסטרירן און האָבן צוליב פאַרשײדענע סיבות זיך ניט רעגיסטרירט און מחמת דעם װערן זײ אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

די הײמלאָזע־טעטיקײט איז געװען פאַרשײדנאַרטיק לױטן כאַראַקטער און פאָרם. אין אַלגעמײן קענען אָבער פאַרנאָטירט װערן צװײ גרונדס־תּקופות: דער ערשטער פּעריאָד, װעלכער איז געװען באַגלײט מיט פאַרשײדענע מאָמענטן פון שנעלער הילף, תּמיכה און רעעװאַקואַציע. דער צװײטער—װעלכער האָט געפונען זײַן פולן אויסדרוק אין דעם פּלאַנמעסיקן אַריבערגײן צו דער אָרגאַניזירטער װידעראויפבוי אין אַלע שאַטירונגען.

דער פּילמאָליקער אַריבערגאַנג פון אונזער געגנט פון אײן מאַכט צו דער אַנדערער האָט קײן גוטס ניט געבראַכט. עס האָט פּאַראַליזירט די אַרבעט און געבראַכט חורבנות. די געזעל־

שאַפטלעכע זייט פון דער אַקציע איז אָבער קיינמאָל ניט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן און מיט פעסטע טריט דערפירט געוואָרן צום עיקר ציל.

מיר גייען כסדר:

א.

פעברואַל—אַפּריל 1919.

1. די לאַגע.

אין משך פון האַלב פעברואַל, מאַרט און האַלב אַפּעל 1919—בעת דער באָלשעוויסטישער ממשלה—האָבן זיך אין ווילנע צונויפגעזאַמלט בערך אַ פאַר טויזנט יידישע רעמיגראַנטן. וועלכע האָבן זיך דערהויפט קאָנצענטרירט אין יונקער-שול, זאַוואַלס קלויז, וואָקזאַל און אַנדערע ערטער פון שטאָט. צוליב די שווערע קאָמוניקאַציע-תנאים און צוליב דעם, וואָס קאָוונער, גראָדנער און סובאַלקער גוב., וואוהין די רעמיגראַנטן האָבן געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן, זיינען געווען מלחמה-פלעצער, זיינען די אַלע פערזאָנען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אָפּגעשניטן געוואָרן אין מיטן וועג און געבליבן אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע.

דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“, וועלכער איז צו יענער צייט געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע, איז ראשית צוגעטראָטן צו אַן אַלזייטיקער אויספאָרשונג פון יעדנס מצב באַזונדער און האָט צונויפגעשטעלט אַן אַנטשפּרעכנדע רעגיסטראַציע. לויטן באַריכט פון די ה״ה משה שאַליט און ליב יפה, וועלכע האָבן דאַן אויסגעפאָרשט די לאַגע אין יונקער-שול, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די 2000 רעמיגראַנטן געפינען זיך בערך 500 יידן, וועלכע זיינען אַממערסטן פערום נבחוסר כל.

עס זיינען אָנגענומען געוואָרן אַ ריי מיטלען צו פאַרלייכטערן די לאַגע: א) עפענען אַ כשרה קיך, ב) אַרויסגעבן הוספה-ברויט פאַרלויפיק די קינדער, ווייל די באַקומענע ברויט פון די היימלאָזע-עטאַפּן געניגט ניט, ג) אויסווירקן, אַז די רעמיגראַנטן זאָל מען אויף דער אַרבעטער-בירזשע געבן אַרבעט מחוץ סדר, אַזוי ווי מלחמה-געפאַנגענע, ד) אָפּגעבן די קינדער אין אינטערנאַטן ווי אויך אין פאָלקסשולן און ה) זאָרגן וועגן קליידונג און שיך.

אין פראָצעס פון דער אַרבעט האָבן זיך אַרויסגעוויזן קליינע מעגלעכקייטן פון רעוואַקואַציע. דאָס האָט אָבער געדאַרפט דורכגעפירט ווערן מיטן שנעלסטן טעמפ. פאַר גאַנצע משפחות זיינען אַסיגנירט געוואָרן ספּעציעלע סומען אויף פורן. די מער געזינטערע האָבן באַקומען צדה-לדרך און אַוועק צופוס.

בינו לבינו איז אויך אָנגעשפּרונגען דער פסח. „יעקאָפּאָ“ האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע פסח-קיך און באַזאָרגט אַלעמען מיט מצה.

2. געגנט-הילף.

ווי ס׳ווערט פעסטגעשטעלט פון די פראָטאָקאָלן און אַרכיוון פון יענער צייט זיינען אַלע אויבנאָויסגערעכנטע מינים פון גיכער הילף דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן אויפן בעסטן אופן אַזוי, אַז „יעקאָפּאָ“ האָט זיך שוין ניט באַגרעניצט נאָר מיט ווילנע און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צוגעטראָטן אויסצופאָרשן די לאַגע פון די רעמיגראַנטן אין געגנט. די אויספאָרשונג האָט געהאַט אַ צווייאיקן ציל: ערשטנס, פעסטצושטעלן די נויטן און מענטשן-מאַטעריאַל פאַר דער ווייטערדיקער עוואַקואַציע און, צווייטנס, באַקאָנען זיך מיט די איינוואָנערונגס-באַדינגונגען אין די מקומות, וואוהין עס שטראָמען די רעמיגראַנטן. צוליב דעם איז דעלעגירט געוואָרן ח׳ מ. יעזשעראָוו אין אַ ריי פונקטן פון דער נאָענטער פראָווינץ, ה׳ ש. אַנ—סקי אין גראָדנע און ה׳ פ. אַנטאָקאָל אין קאָוונע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט זייערע באַריכטן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ קאָנקרעטער און גענויער פּלאַן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט. ער איז אָבער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן צוליבן פאַרנעמען ווילנע דורך די פּאָליאַקן.

ב.

אַפּריל 1919—יולי 1920.

1. די לאַגע.

מיטן פאַרנעמען ווילנער געביט דורך די פּאָליאַקן האָט זיך, נאָך די בלוטיקע טעג און ביטלעכווייז אָנטשטאַנענער באַרואיקונג, באַוויזן די מעגלעכקייט פון קומען אין באַרירונג מיט דער גרויסער וועלט און דאָס האָט אָנטדעקט נייע האָריזאָנטן פון אַרבעט. אָנשטאָט דעם,—וואָס ביז איצט האָט זיך די טעטיקייט געקענט פירן אויף די מיטלען פון פעטערבורגער „יעקאָפּאָ“, וועלכע זיינען שוין צו יענער צייט געווען באַגרעניצטע, האָט דאַן אין פּוילן, להיפך, זיך שוין אָנגעמערקט די גרויסע הילפס-טעטיקייט פון דעם אַמעריקאַנער דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט, וועלכער האָט, אמת, זיך פאַרנומען נאָר מיט תמיכה, אָבער, באַזיצנדיק קאָלאָסאַלע געלט-סכומים, האָט ער געגעבן פערספּעקטיוון פון אַ גראַנדיעזער פאָלקס-אַרבעט אויף אַלע געביטן. די דאָזיקע געלטער האָבן געקענט פאַרווענדעט ווערן אין דער פאָרם, וועלכע די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט וואָלט געפונען פאַר מער פּאַסנד און נוציק. די אויסזיכטן האָבן זיך שפּעטער פולשטענדיק באַשטעטיקט.

דער ד. ד. ק., וועלכער האָט זיך אָנגעשטויסן אין ווילנער קאָנט אָן אַ זעלבסט-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע ווי „יעקאָפּאָ“, האָט אין דער געגנט קיין סעפּעראַטע אַרבעט ניט געפירט. די גרויסע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“ אויף די געלט-מיטלען פון ד. ד. ק.

2. רעעוואַקואַציע און תמיכה.

קיין צופלוס פון נייע רעמיגראַנטן האָט זיך מער ניט געקאָנט מערקן. די שלאַכט מיט די באָלשעוויקעס האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעשלאָסן אַזאַ מעגלעכקייט. דעריבער איז די גאַנצע אַכט במילא געלייגט געוואָרן אויף צו באַזאָרגן די רעמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן אָרט. קודם כל זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען צו קריגן רייזע-שיינען און אָפּשיקן אַהיים די גליקלעכע, וועלכע האָבן געשטאַמט פון געביטן, באַזעצטע דורך די פּאָליאַקן. צו דער צייט דאַרפן פאַרצייכנט ווערן די גרעסערע פּאַרטיעס, וועלכע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין לידע, גראָדנע, ביאַליסטאָק און סובאַלק.

די פאַרבליבענע אין ווילנע און פראָווינץ, וועלכע האָבן פאַרלאָרן יעדע האָפענונג צו דערקלייבן זיך אינגיכן אַ היים, האָבן באַין ברירה זיך געמוזט צופּאַסן צו די נייע אומשטענדן און נעמען טראַכטן וועגן אַ תכלית. נאָר גרינג האָט זיך דאָס זיי ניט איינגעגעבן און אַ לאַנגע צייט זיינען זיי געווען אָנגעוויזן אויף דער הילף פון „יעקאָפּאָ“, וועלכע האָט זיי באַזאָרגט מיט תמיכה, מעדיצי-נישע הילף, דירה און האָלץ. די קינדער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין פאַרשיידענע לער-אַנשטאַלטן און עס איז פאַר זיי געצאָלט געוואָרן שכר-לימוד.

3. פראָדוקטיווע הילף.

דער געגנט-קאָמיטעט האָט זיך ניט באַגרעניצט נאָר מיט תמיכה און האָט גענומען זיכן וועגן, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די היימלאָזע דורך ווענקן אין זיי די פערזענלעכע איניציאַטיוו. עס איז דורך „יעקאָפּאָ“ געמאַכט געוואָרן אַ פרוב פון אַרויסגעבן קליין-הענדלער און בעלי-מלאכות קלענערע סומעס ספּעציעל אויף רוי-מאַטעריאַל און מסחר. שפּעטער, אַז דאָס האָט גענומען וויין גוטע רעזולטאַטן, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן גרעסערע סומעס אין פאָרם פון הלוואות, באַוואָרנט דורך זשיראַנטן. מ׳האָט זיך אַן עצה געגעבן אויך מיט די היימלאָזע, וועלכע האָבן צוליב ווייער פרעקרקייט

ניט געקענט צושטעלן קיין ערבים. פֿאַר דער קאַטעגאָריע איז באַשטימט געוואָרן אין יאָר 1920 אַ ספּעציעלע סומע פֿון 2.000.000 מאַרק, וועלכע האָט געהאַט דעם ווערט אין יענער צײַט פֿון איבער 10.000 דאָלאַר. די געלט איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן בתורת הלוואה אויף פּערזענלעכע התחייבותן, אָבער אָן זשירעס.

4. צופֿלוס פֿון רעעמיגראַנטן און אַרויסגעשיקטע.

דאָס פֿאַרנעמען פֿון די פּאָליאַקן סוף 1919 מינסק און אָנהייב 1920 דווינסק איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם ווײַטערדיקן גאַנג פֿון דער טראַנסמיגראַציע פֿון די רעעמיגראַנטן. אויפֿן גאַנצן שטח פֿון די ניי־צוגעקומענע צו פּוילן געביטן האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט אַ קאָלאָסאַלע צאָל רעעמיגראַנטן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד אויפֿן מאָמענט, ווען ס'וועט זײַן מעגלעך די עוואַקואַציע. דער עיקר צענטער איז געווען מינסק, וואו עס האָבן זיך געבילדעט אַזוי צו זאָגן לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿון יוצאי־קרעווע, ווישנעווע, קרקע און סמאָרגאָן. דאָס באַלדיקע באַזוכן מינסק פֿון די ה״ה מ. שאַליט און מ. יעווזעראָוו אין נאָמען פֿון „יעקאָפּאָ" האָט זיי אינגאַנצן דערמונטערט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בשותּפֿותדיקע אַקציע אויפֿן געביט פֿון רעעוואַקואַציע. בײַ די ווײַטערדיקע אונטערהאַנדלונגען אין ווילנע מיטן פֿאָרשטייער פֿון מינסק ה׳ מ. פֿײַנלייב איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ געוויסער פּלאַן פֿון קאָאָרדינירן די אַרבעט.

בערך אַזאַ בילד האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דווינסק, וואו ס'איז געווען אַ באַדײַטנדע צאָל רעעמיגראַנטן פֿון ווידזי. די ערשטע הילף נאָכן פֿאַרנעמען די שטאָט איז זיי געגעבן געוואָרן אין נאָמען פֿון „יעקאָפּאָ" דורכן ה׳ י. וואָלק, וועלכער האָט אויך אָרגאַניזירט די דאָרטיקע ייִדישע געזעלשאַפֿט לטובת די רעעמיגראַנטן אויף צו שטיצן און רעעוואַקויִרן זיי קיין פּוילן.

דער פּוילישער חיל, וועלכער האָט זיך געדרוקט אַלץ פֿאָרויס, האָט, בערך, אין דער זעלבער צײַט פֿאַרנומען דעם גאַנצן שטח מאָלאָדעטשנע—קאָבאַק בײַ פּאָלאָצק. די מיליטער־מאַכט האָט פֿאַראָרדנט אַלע דערוואַקסענע ייִדן ביז 35—40 יאָר צו פֿאַרלאָזן קאָבאַק אין משך פֿון זייער אַ קורצער צײַט.

די גרויסע צאָל אַרויסגעשיקטע, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון אייניקע הונדערט מאַן, האָט זיך צעשפּרייט איבער ווילנע

און אומגעגנט און פֿאַרגרעסערט אויף דעם אופֿן דעם צופֿלוס פֿון די היימלאָזע.

ווען מיר זאָלן נאָך צוגעבן, אַז פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן זיך דורכרײַסן דורך ניי־סווענציאַן, איגנאַלינע און אַנדערע פּונקטן היימלאָזע און רעעמיגראַנטן פֿון ליטע און מיט דעם אויך פֿון רוסלאַנד, וועט זײַן דער בילד פֿון צופֿלוס פֿאַרפֿולט.

די אַלע וואַנדערער פֿלעגן אַממייסטן האָבן זייער מאַרשרוט דורך ווילנע. קומענדיק קיין ווילנע, פֿלעגן זיי באַוואָרנט ווערן דורך „יעקאָפּאָ" מיט קליידער, וועש און שיך, וואַרעמע מיטאָגן, דירה און מעדיצינישע הילף.

די רעעמיגראַנטן, וועלכע פֿלעגן פֿאָרן די רעקט אויף ווײַטערע ערטער, פֿלעגן דעלעגירן קיין ווילנע זייערע פֿאָרשטייער צו באַקומען פֿאַר אַלעמען די נויטיקע זאַכן. שפּעטער זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן קאָמיטעטן אויף די ערטער, צו וועמען די ניי־אָנגעקומענע רעעמיגראַנטן האָבן זיך געווענדעט נאָך אַלע מינים הילף.

די אויבנדערמאָנטע קאָמיטעטן זײַנען געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע פֿון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע.

5. יורידישע הילף.

די יורידישע הילף איז אַ רינג אין דער גרויסער קייט פֿון דער היימלאָזע־טעטיקייט און אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל אין איר. שוין בײַם אַרײַנקומען פֿון די פּאָליאַקן איז זיך אויסגעקומען צו טרעפֿן זייער אָפֿט פּנים אל פּנים מיט דער מאַכט וועגן די ענינים פֿון די היימלאָזע.

בעת דער כוואַליע פֿון אַרעסטן זײַנען די היימלאָזע ניט געשוינט געוואָרן און עס איז אויסגעקומען צו דערוועקן פֿאַרשיידענע תּשתּדלותן הן אין ווילנע והן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואוהין די היימלאָזע זײַנען פֿאַרשיקט געוואָרן.

מיט דער נאָרמאַליזירונג פֿון לעבן איז דורכן געגנט־קאָמיטעט דערלאַנגט געוואָרן דעם גענעראַל־קאָמיסאַר פֿאַרן מזרח־געביט אַ מעמאָראַנדום מיט דער בקשה צו ערלויבן באַזאָרגן די היימלאָזע מיט באַשעפֿטיקונגען. די בקשה איז געקרוינט געוואָרן מיט אַן ערפֿאָלג און געבראַכט אימגעהויערע נוצן. די באַשעפֿטיקונגען האָבן געדינט טיילווײַז אַלס פּערזענלעכער דאָקומענט, מיט וועלכע די מאַכט האָט זיך ערנסט גערעכנט. זיי האָבן אויך געדינט פֿאַר די היימלאָזע אַלס מיטל צו באַקומען בײַ דער מאַכט רייזע־שײַנען אויף פֿאָרט־צוועקן זייערע ווײַטערדיקע נסיעות.

די יורידישע אַרבעט האָט אַ לענגערע צײַט צוליב פֿאַרשיידענע סיבות געטראָגן אַ כאַראַקטער פֿון צופֿעליקייטן. די נויטווענדיקייט אין אַ פּערמאַנענטער און

סיסטעמאַטישער אַרבעט איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן דרינגענדער און בולטער. אַנטגילטיג איז געלייזט געוואָרן די פֿראַגע אויף דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון „יעקאָפּאָ" דעם 8—9—10־טן סעפּטעמבער 1919, וואו ס'איז געלייגט געוואָרן דער יסוד צו דער גרינדונג בײַ „יעקאָפּאָ" פֿון אַ שטענדיקער יורידישער אָפּטיילונג, בראש פֿון וועלכער ס'איז געשטאַנען אַ קאָלעגיע פֿון דערפֿאַרענע יוריסטן.

* * *

די באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט האָבן זיך שוין געהאַט גוט אַנטוויקלט און אָנגענומען אַ נאָרמאַלן כאַראַקטער,—זי איז אָבער אינמיטן צושטערט געוואָרן און ניט דערפֿירט געוואָרן ביזן סוף צוליבן פֿאַרנעמען ווילנע אײַנצײַטיק דורך די באָלשעוויקעס און ליטווינער.

ג.

יולי—אָקטאָבער 1920.

1. אָנגעלאָפֿענע.

אָנגעלערנטע פֿון די שווערע נסיונות בײַם איבערגײַן פֿון די מאַכטן, האָבן זיך קיין ווילנע אַ לאָז געטאָן אַ גרויסע צאָל ייִדן פֿון די דערבײַיִקע ישובים. ווי גלובאָקע, דונילאָוויטש און אַ ריי אַנדערע פּונקטן, פֿילנדיק זיך זיכערער אין אַ גרעסערער שטאָט. מהאי טעמא זײַנען אויך אָנגעלאָפֿן אַ פּאָר הונדערט פּערזאָן פֿון גראָדנע און ביאַליסטאָק. די מאַטעריעלע לאַגע זייערע איז געווען אַ שרעקלעכע.

די באָלשעוויקעס, הגם זיי האָבן אײַנגעאָרדנט ספּעציעלע היימלאָזע־עוואַקן, האָבן איגנאָרירט די אָנגעלאָפֿענע און האָבן זיך באַצויגן צו זיי נעגאַטיוו. כּדי צו האָבן רעכט אויף שטיצע, האָט דער סוג היימלאָזע געפֿעלט די פֿאָרמעל־יורידישע באַרעכטיקונג. עס איז געווען נאָך אַ סיבה: די באָלשעוויקעס האָבן זיך געפֿילט ניט אינגאַנצן זיכער, זײַנען געזעסן ווי אויף אַ וואולקאַן און בממילא האָבן די היימלאָזע־פּונקטן זייערע ניט אַנטוויקלט קיין גרויסע טעטיקייט.

„יעקאָפּאָ" האָט ניט געקענט צו דעם בלײַבן גלײַכגילטיק. אַלס אַ ברייט־פֿאַרצווײַגטע הילפֿס־אָרגאַניזאַציע האָט ניט געטאָרט עקזיסטירן פֿאַר איר דער פּלפּול פֿון פֿאָרמעלע און ניט פֿאָרמעלע היימלאָזע. כּל־זמן די פּערזאָן איז אַ דירעקט מלחמה־געליטענע, אַלץ איינס צוליב וועלכער סיבה, איז עס בגדר היימלאָזע און האָט רעכט אויף שטיצע.

כּדי צו האָבן אַן אמתן באַגריף וועגן די נויטן און באַדערפֿענישן פֿון יעדן איינציקן, זײַנען געבילדעט געוואָרן קאָמיטעטן פֿון די היימלאָזע זעלבסט. אין וועמענס קאָמפּעטענץ עס איז געווען דאָס צונויפֿשטעלן די רשימות פֿון די נויט־

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

באַדערפטיגע אויף צו באַקומען די נעהעריגע הילף.

מיט דער צייט זיינען די תּושבים פון ווילנער געגנט אָפּגעשיקט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“ צוריק אויף זייערע ערטער. דאָגעגן די איבעריקע זיינען נאָך אַ ליינגערע צייט געווען אָנגעוויזן אויף דער הילף פון „יעקאָפּאָ“. וועגן אומקערן זיך אַהיים האָט פאָרלויפיק קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל זייער געביט איז געשטאַנען אונטערן מלחמה-פייער.

2. די ערשטע עשאַלאָנען.

לאין ערך בעסער איז געוואָרן די לאַגע פון די היימלאָזע רעעמיגראַנטן אין ווילנע, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרלאָזן די שטאָט און די ליטווינער זיינען געבליבן די בעלי-בתּים.

זייענדיק על-פּי-רוב פון קאָוונער גובערניע, האָבן די היימלאָזע רעעמיגראַנטן זיך געפונען אין דער גליקלעכער לאַגע, וואָס זיי האָבן באַקומען אַ פרייען צוטריט צו זייערע אַלטע הייבען. האָט זיך טאַקע געגעבן אַ שטאַרקער רוק פאָראויס די רעעוואַקואַציע פון ווילנע.

ווילנע האָט געשפּילט אַ ראָל פון אַ באַדייטנדן טראַנזיט-צענטער און געוואָרן אַ כלי-קבול פאַר אַ מאַסן רעעמיגראַציע.

צוליב די פריידלעכע באַציאונגען צווישן רוסלאַנד און ליטע זיינען די רעעוואַקואַציע-מעגלעכקייטן געשטעלט געוואָרן אין גאַנץ נאָרמאַלע תּנאים. אָנשטאָט בגנבה אָדער דורך אומלעגאַלע וועגן, האָבן זיך די רעעמיגראַנטן אומגעקערט מיט עשאַלאָנען. דאָס זיינען געווען די ערשטע רעגולערע עשאַלאָנען פון רוסלאַנד.

„יעקאָפּאָ“ האָט אויך דאָ געפונען אַ ברייטן פעלד פאַר אַרבעט: די עשאַלאָנען פלעגן דערפירט ווערן ביז אַ וויאָרסט נאָך דער באַן-סטאַנציע סאָל. דאָ פלעגן זיך די רעעמיגראַנטן איבערזעצן אין די ליטווישע צוגן. מען קען זיך פאָרשטעלן די שמחה פון די רעעמיגראַנטן, ווען זיי האָבן דערשפּירט די נאָענטקייט פון זייערע היימען, זייענדיק נע-ונד חדשים לאַנג אין וועג. דעריבער איז דאָס איבערזעצן זיך אין די צוגן באַגלייט געווען מיט פיל דראַמאַטישע סצענעס, בהלהדיקן פאַרכאַפּן ערטער, סובל אָן אַ שיעור.

עס זיינען אויך געווען אַ סך אַלטע און קראַנקע, וועלכע פלעגן זיך פילן זייער אומבאַהאָלפן און פאַרלאָזן, ווייל יעדער האָט, פאַרשטייט זיך, ביי אַזאַ לאַגע געטראַכט נאָר וועגן זיך. די ליטווישע אָפיציעלע באַגלייטער פון די עשאַלאָנען זיינען געווען ווייט פון סענטימענטן און דעריבער האָט געטראָפן פאַלן, אַז אַ סך פלעגן בלייבן ליגן אויפן פעלד ביז אַ צווייטן צוג, וועלכער פלעגט אָנקומען ערשט אויף מאָרגן.

ביי אַזאַ לאַגע האָט געקענט אַריינברענגען אַן אָרדענונג אַ מענטש מן הצד, וועלכער קומט מיט אַ פאָראויס באַשטימטן פּלאַן און סדר. די מיסיע פון אויסזעצן אין די וואַגאָנעס האָבן ערפילט די פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ“, וועלכע האָבן באַקומען אַ ספּעציעלע ערלויבעניש פון דער ליטווישער מאַכט צו באַגלייטן די עשאַלאָנען ביזן גרעניץ און אויפנעמען די רעעמיגראַנטן. די פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ“ פלעגן מקבל זיין די רעעמיגראַנטן אויך מיט עסן און טרינקען. דערביי איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין אונטערשייד פון ייד ביז קריסט.

עס האָט זיך אויך געפונען אַ עלעמענט, וועלכער האָט ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט דערוואַרטן זיך אויף די עשאַלאָנען. די פלעגן זיך דערקלייבן מיט פורן ביז דער ליטווישער גרעניץ. צוליב דער גרויסער שמירה פלעגן זיי אַממייסטן פאַרהאַלטן און געבראַכט ווערן צום ליטווישן קאָמענדאַנט פון דער דעמאַרקליניע אין דאָרף סלאָבאָדקע 4 וויאָרסט פון גודאָגאַי. דער קאָמענדאַנט פלעגט דעצידירן וועגן זייער ווייטערדיקן מאַרשרוט. זיין באַשלוס איז געווען דער אָנסגילטיקער און פון אים האָט זיך געהענגט דער גורל פון הונדערטער יידישע נפשות.

מיט דער דערלויבעניש פון דער ליטווישער מאַכט איז דאָרט געזעסן שטענדיק אַ פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ“, וועלכער האָט געבראַכט אומגעהויערע נוצן די רעעמיגראַנטן, געבנדיק זיי מאַטעריעלע הילף און פאַרהיטנדיק זיי פון מעגלעכע עוולות מצד דער גרעניץ-מאַכט.

3. אין ווילנע.

די רעעמיגראַנטן, אַלץ איינס אין וועלכער ריכטונג זיי וואָלן ניט פאָרן, פלעגן אַראָפּגעזעצט ווערן אין ווילנע. דאָ פלעגן זיי איינגעאָרדנט ווערן אין ספּעציעלע היימלאָזע-באַראַקן און דורכמאַכן אַ קאַראַנטין.

די ספּעציעלע אָפּטיילונג פון קאָוונער צענטראַלן דעפּאַרטאַמענט פאַר היימלאָזע פלעגט דורכקאָנטראָלירן איבער אַ נייס די דאָקומענטן פון די רעעמיגראַנטן און נאָכדעם אָפּשיקן זיי גרופּעסווייז אין עשאַלאָנען קיין ליטע צו 2—3 הונדערט מאַן אין אַ ריכטונג.

אין משך פון דער צייט זיינען דורך ווילנע דורכגעפאָרן בערך אַ 2,000 רעעמיגראַנטן, דער גרעסטער טייל יידן. די באַציאונג פון דער ליטווישער אַדמיניסטראַציע צו די יידישע היימלאָזע איז ניט שטענדיק געווען אַ בעוואונטשענע. דער געגנט-קאָמיטעט האָט אָנגעזוכט די נויטיקע מיטלען דאָס צו באַזייטיקן. אַדאַנק דער פאָדערונג פון „יעקאָפּאָ“ האָט דער פאָרשטייער פון דער ליטווישער מלוכה ה' יאַנינאַס מסכים געווען אויף דער דעלעגירונג פון אַ „יעקאָפּאָ“-פאָרשטייער אויפן היימלאָזע-פּונקט, וועלכער זאָל באַהילפיק זיין ספּעציעל די יידישע היימלאָזע. פון דאַן אָן האָבן זיך די באַציאונגען געביטן צום גוטן.

חוץ דעם האָט דער געגנט-קאָמיטעט געהאָלפן די רעעמיגראַנטן אין ספּעציעל יורידישן זין. דאָס איז געווען אַן ערנסטע און ברייט-פאַרצווייגטע אַרבעט, וועלכער איז אָפּגעגעבן געוואָרן פיל אויפמערקזאַמקייט.

די דערנערונג פון די רעעמיגראַנטן איז געווען אַוועקגעשטעלט אויף דער נויטיקער הייך. חוץ געלט-שטיצע זיינען זיי באַזאָרגט געוואָרן מיט וואַרימע מיטאָגן אין דער ספּעציעל איינגעאָרדנטער קיך. מיט די מיטאָגן האָבן זיי זיך באַנוצט די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין ווילנע.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“ אַ שטאָטישע היימלאָזע-ביוראָ נאָענט צום וואָקזאַל צו באַדינען ספּעציעל די ניי-אָנגעקומענע רעעמיגראַנטן מיט עצות און אָנווייזונגען און לינדערן ווי ווייט מעגלעך זייערע נויטן.

די אַרבעט אין דעם קורצן פּעריאָד האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ רעעוואַקואַציע-פיבער: ברייננען וואָס גיכער צום געוואונטשענעם ברעג די אַלע פאַרזאָנען, וואָס לעכצן שוין אַזוי לאַנג נאָך דעם.

צוזאַמען מיט די רעעמיגראַנטן האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אַ שפּאָר ביסל עמיגראַנטן. דער געגנט-קאָמיטעט האָט דעלעגירט אַ פאָרשטייער קיין קאָוונע, וואו עס האָבן זיך געפונען צענטראַלע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן, כדי צו רעגולירן די עמיגראַציע קיין אַמעריקע.

אינגיכן איז ווילנע פאַרנומען געוואָרן דורכן גענעראַל זשעליגאָווסקי און מיט דעם איז געקומען אַ סוף צו אַלע אָנגעמערקטע פּלענער.

ד.

אָקטאָבער 1920—מאַי 1921.

1. ווייטערדיקע רעעוואַקואַציע.

צוליב פאַרשיידענע מאָמענטן אין דער פּאָליטישער קאָניונקטור צווישן פּוילן און ליטע, וואָס האָט, לפנים, מילדער געמאַכט די שאַרפע באַציאונגען צווישן די ביידע קעמפנדע צדדים איז אַרויסגעקומען ראשית כל אַ טובה די רעעמיגראַנטן. די רעעוואַקואַציע פון די פאַרבליבענע אין ווילנע איז ווידער געשטאַנען אויף דער טאָג-אָרדענונג און האָט באַגעגנט אַ פּאָזיטיווע פאַרענטפערונג און אַ פאַרשטענדעניש

פאַר דער זאַך הן מצד די פּאָליאַקן והן מצד די ליטווינער.

דערווייל איז אַרויסגעשוואומען נאָך א ווייכטיקע פּראַגע, נעמליך: ערלויבן אומקערן זיך קיין ווילנע די פּערזאָנען, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין ליטע צופעליק און די, וועלכע זיינען במחשבה תחילה אַנטלאָפן, מורא האָבנדיק ס׳זאָל זיך ניט איבערחזרן די בלוטיקע טעג פון אַפּריל 1919.

היות, ווי די פאָרטזעצונג פון דער רעעוואַקואַציע, ווי אויך דער צוריקקער פון ליטע איז געווען נוגע דער עיקר דער יידישער באַפעלקערונג, האָט „יעקאָפּאָ״ אָנגעווענדעט דעם מאַקסימום ענערגיע אַרויסצובאַקומען די נויטיקע ערלויבעניש אויף דעם ביי דער מאַכט, ווי אויך פאַרגיכערן און פאַרלייכטערן דעם טראַנזיט ווי ווייט מעגליך.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די באַציאונג פון דעפּאַרטאַמענט פאַר סאָציאַלער הילף ביי זשעליגאָווסקיס רעגירונג, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט די היימלאָזע־ענינים, איז געווען א גוטע און טאָלעראַנטע און ער איז כמעט שטענדיק אַנטקעגן געקומען די בקשות און מעמאָראַנדומס פון „יעקאָפּאָ״.

מיטן ענין פון אומקערן די פליטים פון ליטע האָט זיך פאַראינטערעסירט דער דאַמאָלסדיקער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג ה׳ ענגעל, וועלכער האָט וועגן דעם אונטערגעהאַנדלט אַזש אין וואַרשע און די זאַך איז געקרוינט געוואָרן מיט ערפאָלג.

זי איז דורכגעפירט געוואָרן לויט פאָלגנדער פּראָצעדור: נאָך א פאַרשטענדיקונג מיט דער מאַכט זיינען דורך „יעקאָפּאָ״ צונויפגעשטעלט געוואָרן די פּערסאָנאַלע רשימות. ס׳זיינען געווען 3 קאַטעגאָריעס: 1) רעעמיגראַנטן פון קאָוונער ליטע, 2) שטענדיקע איינוואוינער פון ליטע—צופעליק פאַרבליבענע אין ווילנע און 3) פרויען אָדער קינדער, וועמענס מענער און עלטערן עס זיינען צופעליק פאַרבליבן אין ליטע, און ווילן שוין דאָרט באַזעצן זיך אויף שטענדיק.

די רשימות פלעגן איבערגעשיקט ווערן אין דער זשאַנדאַרמעריע, נאָכדעם פלעגן די באַטרעפנדע פּערזאָנען אויסגעפאָרשט ווערן דורך דער ליטווישער דעלעגאַציע, וועלכער פלעגט צו א באַשטימטער צייט קומען קיין ווילנע. די דעלעגאַציע פלעגט אויך געבן די ערלויבענישן אַריינצופאָרן קיין ליטע.

בסך־הכל זיינען איבערגעשיקט געוואָרן א טריטהאַלבן טויזנט מאַן.

דער אופן פון איבערשיקן איז געווען אַזאַ: דער גרעסטער טייל איז עוואַקואירט געוואָרן דירעקט קיין קאָזנע מיט ליטווישע צוגן, וועלכע פלעגן ברענגען מיט זיך צוריק די ווילנער פליטים פון קאָוונער ליטע. א מעוט איז אָפּגעשיקט געוואָרן מיט פּוילישע צוגן ביז ניי־סווענציאַן און דאָרטן מיט פורן ביז אַריבער די ליטווישע גרעניץ. א טייל זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן דירעקט מיט פורן. עס זיינען אויך געווען פוס־גייער.

דאָס איז וועגן ענין ליטע. גרינגער איז אָנגעקומען די רעעוואַקואַציע פון די פּוילישע רעעמיגראַנטן און אַנגעלאָפענע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ווילנע. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, וואָס זייערע שטעט און שטעטלעך זיינען פריי געוואָרן און האָבן זיך ביסלעכווייז עוואַקואירט אַהיים.

חוץ דער גרויסער יורידישער הילף, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט, זיינען די רעעוואַקואַנטן הן קיין ליטע והן קיין פּוילן באַזאָרגט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ״ מיט געלט, קליידער, שיך און וועש. די, וועלכע זיינען געפאָרן מיט פורן, האָבן באַקומען ספּעציעלע פור־געלט.

2. טראַנזיט פון רוסלאַנד.

דער פּרעלימינאַרער שלום, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן צווישן די פּאָליאַקן און באָלשעוויקעס דעם 12 אָקטאָבער 1920, האָט צוגעגרייט א באָדן פאַר דעם ווייטערדיקן טראַנזיט פון רוסלאַנד, וועלכער איז אַנטגילטיק פאַראַליזירט געוואָרן זינט דאָס פאַרנעמען ווילנע דורך זשעליגאָווסקיס מיליטער.

מיטן שליסן דעם ציטווייליקן שלום, איז, אמת, ניט אָנגעשיידט געוואָרן די אַלגעמיינע פּראַגע פון א ברייטערער רעעוואַקואַציע פון רוסלאַנד. אָבער עס האָט געמאַכט צוטריטלעך דאָס אַריינדרינגען אין פּוילן פון קלענערע גרופּעס היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן, וועלכע זיינען שוין פון לאַנג אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס און האָבן געוואַרט ווי אויף משיחן אויף דער מעגלעכקייט צוריקצוקערן זיך אַהיים.

און אַזוינע זיינען געווען א סך: אַנטלויפנדיק פון די שחיטות און פּאָגראָמען, געטריבן פון דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, האָבן זיי זיך מאַסנווייז צוזאַמענגעקליבן אין מינסק. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט לעגאַל אַריבערצופאָרן קיין פּוילן, האָבן זיי געבלאָנדזשעט דורך וועגן און שטעגן צופוס, די מטלטלים אויף די פּלייצעס און די קינדער ביי די הענט, ביז זיי האָבן זיך מיט סכנת נפשות, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון די באָלשעוויסטישע פּאָסטנס, דערקליבן צו דער פּוילישער גרעניץ.

גרעסטנטיילס פלעגן די וואַנדער־וועגן זיין ראַקאָוו, ראַדאָשקאָוויטש, קראַסנע, איליע און אַנדערע פּונקטן פון דעם געגנט. די רעפּאַטריאַנטן פלעגן פאַרהאַלטן ווערן דורך דער גרעניץ־וואַך, וועלכע פלעגט זיי אָפּשיקן אין צענטראַלן היימלאָזע־פּונקט אין מאָלאָדעטשנע, וואו זיי פלעגן אויסגעפאָרשט ווערן דורך דער מאַכט.

הגם די צענטראַלע מאַכט האָט זיך באַצויגן זייער גוט צום גורל פון אַלע רעפּאַטריאַנטן, ניט אויסשליסנדיק אויך די יידישע, איז אָבער גאָר אַן אַנדער באַציאונג געווען צו די יידישע רעעמיגראַנטן מצד דער מאָלאָדעטשנער מאַכט. די יידן זיינען אויסגעשטאַנען פאַרשיידענע שיקאַנירונגען, פלעגן וואַלגערן זיך גאַנצע וואָכן אָן אַן אויספאָרשונג און עס זיינען געווען אויך פאַלן פון אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד.

„יעקאָפּאָ״ האָט אין א באַזונדערן מעמאָראַנדום אויפגעקלערט דעם ענין דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און אַלס רעזולטאַט פון דעם איז ספּעציעל דעלעגירט געוואָרן קיין מאָלאָדעטשנע א באַאַמטער פון אויבנדערמאָנטן דעפּאַרטאַמענט. „יעקאָפּאָ״ האָט פון איר זייט אויך דעלעגירט א באַפולמעכטיקטן. א דאַנק דער געמיינזאַמער אויספאָרשונג האָט זיך די לאַגע באַדייטנד פאַרבעסערט. דערביי איז באַשטימט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ״ מיטן וויסן פון דעפּאַרטאַמענט און מיט זיין ערלויבעניש א ספּעציעלער פאַרשטייער, וועלכער איז אין משך פון אייניקע חדשים געזעסן אין מאָלאָדעטשנע און מיטגעהאָלפן די רעפּאַטריאַנטן מיט יורידישער און מאַטעריעלער הילף.

עס זיינען אויך געווען פאַלן, ווען רעפּאַטריאַנטן פון פּוילן פלעגן דורכמאַכן א קרייז־וועג דורך לעטלאַנד־ליטע. זיי פלעגן זיך גרעסטנטייל צונויפזאַמלען ביי דער דעמאַרק־ליניע לעבן ניי־סווענציאַן, וואו זיי פלעגן קאָנטראָלירט ווערן דורך דער אָרטיקער גרעניץ־מאַכט און דורכגעלאָזט ווערן קיין פּוילן.

אָן יורידישער און מאַטעריעלער הילף פלעגן אויך זיי זיך ניט באַגיין. די ניי־סווענציאַנער יידישע קהילה מיט דער הילף פון „יעקאָפּאָ״ פלעגט זיי באַהילפיג זיין אין זייערע נויטן.

מיר ווילן פאַרנאָטירן אויך אַזאַ צופאַל: א גאַנצער עשאַלאָן פון 5—6 הונדערט רעעמיגראַנטן פון פּוילן איז על־פי טעות אַנשטאָט לעטלאַנד—פּוילן אָפּגעשיקט געוואָרן דורך לעטלאַנד קיין ליטע.

די ליטווישע מאַכט האָט זיי צוגעשטעלט צו דער נייטראַלער זאָנע לעבן

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

קאָלטיניאַן און ליגנמיאַן. די פּוילישע גרעניץ-מאַכט האָט זיך אַנטזאָגט זיי צוצונעמען און זיי זיינען אַלע געבליבן אונטערן פרייען הימל. צום גליק האָט זיך זייער אַ דעלעגאַציע דערקליבן ביז ווילנע צו „יעקאָפּאָ". לויט דער השתדלות פון דער לעצטער איז דורך דער מיליטערישער מאַכט דעלעגירט געוואָרן צו דער נייטראַלער זאָנע אַ פאַרשטייער, וועלכער האָט אויף אָן אָרט קאָנטראָלירט זייערע דאָקומענטן און דורכגעלאָזן זיי קיין פּוילן. צוזאַמען מיט אים איז אויך מיטגעפאָרן אַ באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאָ" מיט אַ טראַנספּאָרט פון ביסקוויט און מילך פאַר קראַנקע און קינדער ווי אויך געלט-מיטלען פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

ווי שטענדיק פלעגן די רעעמיגראַנטן קאָנצענטרירן זיך אין ווילנע. ביסלעכווייז פלעגן זיי רעעוואַקוירט ווערן, ווער קיין פּוילן—ווער קיין ליטע. די קיך האָט געאַרבעט זייער אינטענסיוו. עס פלעגן דערמאָלט אַרויסגעגעבן ווערן ביז 600 מיטאָגן טעגלעך. געלט-שטיצע פלעגט געגעבן ווערן אויף אָנבייסן און אַוונט-ברויט, דירה, באַן-געלט און פורן. כמעט אַלע האָבן באַקומען קליידער, וועש און שיך.

3. אַנ—סקי-קינדערהיים.

אין דער צייט פון די גרויסע שטראָמען רעעמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך בסדר געביטן, האָבן מער פון אַלעמען געליטן די קינדער. די עלטערן, על-פּי רוב פון ליטע, וועלכע האָבן זיך בכלל געפונען אין ווילנע צייטווייליק ביז אַ מעגלעכקייט פאָרטצוזעצן זייער נסיעה, האָבן געהאַט אַנדערע, וויכטיקערע דאגות און עס איז קיין חידוש ניט, אַז זיי האָבן איבערגעלאָזן די קינדער אויף גאָטס-באַראָט.

וועלנדיק איזאָלירן די קינדער פון דער שלעכטער השפעה פון דער גאַס, ווי אויך פאַרקרעפטיקן זייערע שוואַכינקע גופים־לאַך, וועלכע זיינען אַזוי חרוב געוואָרן פון די וואַנדערונגען און פון דער אַנדער זייט באַפרייען זייערע מוטערס און געבן זיי די מעגלעכקייט פון אַרבעט אין משך פון טאָג האָט דער געגנט-קאָמיטעט געעפנט אַ ביי־טאָגיקע קינדער-היים, וואו עס זאָל זיך אויפהאַלטן דער אויבנדערמאָנטער מין קינדער. די קינדערהיים האָט שפּעטער געטראָגן דעם נאָמען: „אַנ—סקי קינדער-היים", לזכר פון דעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער און מיטגליד פון געגנט-קאָמיטעט.

די קינדערהיים איז געעפנט געוואָרן אין נאָוועמבער 1920 און האָט עקזיסטירט ביז מאַי 1921.

די וווינונג איז באַשטאַנען פון 7 גרויסע צימערן און איז געווען איינגעריכטעט זייער באַקוועם פאַר די קינדער.

דער קינדער-מאַטעריאַל איז אויסגעקליבן געוואָרן נאָר פון די ניי-אָנגעקומענע רעעמיגראַנטן, וועלכע פלעגן זיך צייטווייליק אָפּשטעלן אין ווילנע ביז דער ווייטערדיקער נסיעה. ביים אָנקומען פלעגן די קינדער געפירט ווערן אין באָד, באַקליידט און באַשוכט ווערן.

די טעגלעכע צאָל קינדער איז געווען ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע, נאָר אַ באַוועגלעכע. זי איז געווען אָפּהענגיק פון דער צאָל צוגעקומענע רעפּאַטריאַנטן אין ווילנע. די מינימאַלע צאָל קינדער טעגלעך איז געווען 20, די מאַקסימאַלע—40.

דער עיקר אַכט איז געלייגט געוואָרן אויף דער דערנערונג. אין משך פון די 8 שעה, וועלכע די קינדער פלעגן פאַרברענגען אין קינדערהיים, האָבן זיי באַקומען זאַט צום עסן און אַ גוטע אויפפּאַסונג.

מיט דער אויפזיכט האָט אָנגעפירט די פאַרוואַלטערין און אַ ספּעציעלע ערציערין. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן אַ רעגולערער דערציאונג האָט קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל דער עלעמענט איז געווען ניט קיין שטאַנדהאַפטיקער און האָט זיך בסדר געביטן מיטן אָנקומען פון נייע עשאַלאָנען. דער טאָג פלעגט אַריבער אין ערציילונגען, געשפּרעכן, געזאַנג און פאַרשיידענע קינדער-שפּילן. די גרעסערע האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנט-אַרבעט. אין די גוטע וועטערן פלעגן די קינדער געפירט ווערן שפּאַצירן.

די רעזולטאַטן זיינען געווען זייער גוטע: צוגענומענע אויפן גאַנצן טאָג פון זייערע פינסטערע און פייכטע דירות און געפינענדיק זיך אין אַ היימישער, געזונטער סביבה פון ליבע און צאַרטע באַציאונגען, זאַטע און רואיקע—פלעגן זיך די קינדער אין משך פון גאָר אַ קורצער צייט אומבייטן לגמרי און פלעגן זיך ממש אָפּכאַפּן. די פּנימלעך זיינען ביי זיי געוואָרן מונטער און פריילעך און דער געזונט-צושטאַנד שטאַרק פאַרבעסערט.

די מוטערס, ווידער, ווערנדיק באַפרייט דעם גאַנצן טאָג פון די קינדער, פלעגן זיך קענען אַרומטאָן און אויסטאָן וואָס פאַר זיך.

צווייטע תקופה.

אויפן וועג פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

מיטן שליסן שלום צווישן פּוילן און רוסלאַנד אין אַפּריל 1921 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין לעבן פון די רעעמיגראַנטן. ס'איז אַנטגילטיק רעגולירט געוואָרן די אָנגעווייטאָגטע פראַגע וועגן אַ גרויס-רעעוואַקואַציע פון רוסלאַנד קיין פּוילן און עס איז אַנטשטאַנען אַ נאָרמאַלער עשאַלאָנען-פאַרקער צווישן די ביידע לענדער.

די פּוילישע רעגירונג, וועלכע האָט זיך זייער ערנסט פאַרנומען מיטן צוריקקער פון די רעפּאַטריאַנטן, האָט איינגעאָרדנט אין אַ ריי גרעניץ-פּונקטן לאַגערן, דער ציל פון וועלכע ס'איז געווען אויפצונעמען די רעעמיגראַנטן און איזאָלירן זיי די ערשטע צייט פון דער אַרומיקער סביבה צוליב מעגלעכע עפּידעמישע קראַנקייטן.

אויף צו זאָרגן וועגן דער סאַניטאַר-מעדיצינישער זייט פון די רעעמיגראַנטן ווי אויך וועגן זייער דערנערונג, איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע רעגירונגס-אַנשטאַלט אונטערן נאָמען „יו״ר".

מיט דער רעכטלעך-פּאָליטישער זייט פון די רעעמיגראַנטן האָט זיך פאַרנומען די אַזוי גערופענע „סטאַציאַ-קאָנטראָלנאַ", וואָס האָט בודק געווען די אָנגעהעריקייט פון די באַטרעפנדע פּערזאָנען צו פּוילן און האָט געגעבן השגחה אויף זייער פּאָליטישער כשרות.

די נייע רעפּאַטריאַציע האָט מיט זיך געבראַכט אַ ענדערונג אין דעם רעעמיגראַנטן-מאַטעריאַל. אָנשטאָט דעם, וואָס ווילנער געגנט איז ביז איצט געווען בעיקר אַן אָפּרוי-פּונקט, אַ מקום מקלט פאַר דורכוואַנדערער, איז אונזער געגנט געוואָרן איצט אַ פּלאַץ פאַר די רעעמיגראַנטן, וועלכע קומען צוריק אין זייערע אַלטע היימען.

צו יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ רעקאָנסטרוקציע פון ד. ה. ק., וועלכער האָט זיך איבערגעבויט אויף איינצלנע פאַך-דעפּאַרטאַמענטן און צווישן זיי האָט דער היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט פאַרנומען דעם גרעסטן אָרט.

דער „יעקאָפּאָ"-אַפּאַראַט האָט תיכף אויסגעבילדעט ביי זיך אַ ספּעציעלע צענטראַלע היימלאָזע-אָפּטיילונג, וועלכע האָט פאַרשפּרייט די טעטיקייט אויף די גאַנצע פּראָווינץ, וואו ס'איז נאָר געווען אַ קיבוץ פון היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן. אין די גרעסערע פּונקטן פון ווילנער און נאָוואָגרודקער ראַיאָן האָט זי געהאַט אירע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געגעבן הילף די נויטבאַדערפטיקע און פאַרענטפערט ווי ווייט מעגלעך זייערע נויטן און באַדערפענישן.

ה.

מאַי 1921—אָקטאָבער 1923.

צענטראַלע היימלאָזע-אָפּטיילונג.

די שטאַנדהאַפטיקייט פון דער אויסערלעכער פּאָליטישער לאַגע האָט געפאָדערט אַן איבערשאַצונג פון דער פאָרם און תכלית פון דער אַרבעט. די גיכע הילף, לכתחילה אַ מוז-זאַך, האָט געדאַרפט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דער קאָנסטרוקטיווער און וואָס גיכער אַלץ בעסער: אין דער ריכטונג האָט די צענטראַלע היימלאָזע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאַ“ געאַרבעט.

די סיסטעם האָט ניט געקענט אָנגעווענדעט ווערן צו אַלעמען מיט איין און דערזעלבער מאָס און איין און דערזעלבער צייט. אין אַלגעמיין, אָבער, איז דאָס פאַרווירקלעכט געוואָרן אומגעפער לויט פאָלגנדן פּלאַן: גיכע הילף, קינדער-פאַרזאָרגונג, פּראָדוקטיווע הילף און אײַנבויאונג פון די חרוב-געוואָרענע הײַזער.

אין די קומענדיקע פּרקים וועלן מיר פונאַנדערקלײַבן, וואָס ס'איז אויפגעטאָן געוואָרן אויף יעדן געביט באַזונדער.

I. גיכע הילף.

1. היימלאָזע-ביוראָען.

הגם דער גרעסטער טייל פון די רעפּאַטריאַנטן האָט באַקומען דאָס פולע רעכט אומצוקערן זיך פון רוסלאַנד אַהיים און לעגאַל מיט עשאַלאָנען, זײַנען נאָך אָבער געבליבן אַ סך עלעמענטן, וואָס אָדער זיי האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים באַקומען די ערלויבענישן אָדער האָבן בכלל קיין רעכט ניט געהאַט אַרײַנצוקומען קיין פּוילן, אָבער זײַנען דערצו געטריבן געוואָרן דורך די אומבאַרחמנותדיקע געשעענישן. דעריבער איז אויך נאָכן רעגולירן די רעפּאַטריאַציע אויפן לעגאַלן וועג לויט דעם ריגער אָפּמאַך, דאָך פאַרבליבן די אַלטע דערשיינונג פון אומלעגאַלן דורכוואַנדערן אויפן גאַנצן שטח פון אונזערע גרענעץ-פונקטן. דערצו האָבן גורם געווען:

א) די אייגנאַרטיקע באַציאונגען צו די יידישע רעפּאַטריאַנטן מצד די רעפּאַטריאַציע-אָרגאַנען, וועלכע פלעגן ניט וועלן מאַכן כל המינים שוועריקייטן דעם יידישן רעעמיגראַנט ביים רעגיסטרירן זיך אויף צו פאָרן קיין פּוילן. די באָלשעוויקעס, זעענדיק אין יעדערן אַ בורזשוי און די פּאָליאַקן — אַ באָלשעוויק.

ב) דאָס זוכן אַ שוץ פון די פּאָגראָמען און אַכזריותן אין אוקראַינע און ווײַס-רוסלאַנד מצד עלעמענטן, וועלכע האָבן פאָרמעל צו פּוילן קיין שייכות ניט, און וועלכע מיר קוואַליפיצירן אונטערן אַלגעמיינעם באַגריף „היימלאָזע“.

ג) עמיגראַנטן.

ד) פּאָליטישע פאַרפאָלגטע, ווי למשל, ציונים, חלוצים, אָרטאָדאָקסישע טוער און אַנדערע.

די אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס רעפּאַטריאַנטן און היימלאָזע, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו קומען קיין פּוילן לעגאַל, האָבן אויסגעקליבן די וועגן פון קלענערן ווידערשטאַנד און אַרײַנגעפאַלן דאָס רוב אין די אָרעמס פון פאַרשיידענע מאַכערס און אַגענטן, אין וועמעס הענט זיי פלעגן איבערגעבן זייער גורל.

ניט אַלעמאָל האָבן די היימלאָזע דערגרייכט זייער ציל בשלום. הונדערטער פאַראַזיטן האָבן אויף דעם געשלאָגן קאַפּיטאַל. ס'זײַנען פאַראַן אַ שיעור פאַלן, ווען די היימלאָזע זײַנען באַשווינדלט און איבערגעלאָזן געוואָרן אין מיטן וועג אויף הפקר. די גליקלעכערע, וועלכע פלעגן בשלום מײַדן די באָלשעוויסטישע פּאָסטנס, זײַנען דורך די אַגענטן פאַראָרימט געוואָרן. מ'האָט פון זיי אויסגעזאַפּט די לעצטע פּאָר גראָשן און זיי איבערגעלאָזן אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע.

דערגרייכנדיק די פּוילישע גרענעץ-וואַך, פלעגן זיי אָפּגעשיקט ווערן אין די דערבײַיִקע פּאָליציי-פּאָסטנס אָדער סטאַציע-קאָנטראָלנאַ אויף אַ חקירה ודרישה.

דאָ ווײַזט זיך אַרויס די אומגעהויערע וויכטיקע אויפגאַבע, וועלכע ס'האָבן ערפילט די היימלאָזע-ביוראָען, געבנדיק באַלדיקע הילף. דאָס איז געווען אַ מצוה-עשה. אַ לעבנס-פראַגע פאַר טויזנטער נפשות.

אַדאַנק דער געזעלשאַפטלעכער זײַט פון דער הילפס-אַקציע, ווי אויך דער זאַכלעכער און טאַקטישער האַנדלונג מצד אונזערע אָרטיקע פאַרשטייער אין די פראַגן פון אינטערווענץ, האָבן זיי זיך גוט פאַררעקאָמענדירט ביי דער מאַכט און געהאַט אַ פרײַען צוטריט אין יעדער צײַט, ווען די היימלאָזע פלעגן געבראַכט ווערן.

די היימלאָזע פלעגן קומען אויסגעהונגערטע, און געפּלאָגטע און צעבראָכענע פלעגט מען די פאַרהאַלטענע נעמען צום פאַרהער. אין דער פרעמד, עלנד און פאַרלאָזן, איבערטראָגנדיק פיזישע און מאָראַלישע יסורים, פלעגן די היימלאָזע בלײַבן אָן כוחות און ס'פלעגן זיך אָפּשפּילן האַרצרײַסנדע סצענעס פון אַלטע און קראַנקע, ווײַבער און קינדער, וועלכע פלעגן באַקומען ספּאַזמען אָדער פאַלן אין חלשות, געוואָר ווערנדיק, אַז זיי ווערן אָפּגעשיקט צוריק, פונוואַנען זיי זײַנען אַנטלאָפן.

אַ גרופּע היימלאָזע

אין אַזוינע מאָמענטן פלעגן זיי באַגעגנט ווערן דורך אונזערע פאַרשטייער מיט עסן, טרינקען און אַ גוט-וואָרט. דערמונטערט און דערמוטיקט, אַרומגערינגלט דורך מענטשן מיט די רײַנסטע מחשבות און בעסטע כוונות צו העלפן זיי אין דער נויט, פלעגן זיי זיך דערפילן ווי מענטשן און קומען צו זיך.

דער עיקר שווער-פונקט איז, אָבער, באַשטאַנען אין דער יורידישער הילף, וואָס פלעגט קומען נאָכדעם: אינטערווענצן און השתדלותן, וואָס אונזערע פאַרשטייער האָבן דערוועקט אין פּאָליציי-סט. קאָנטראָלנאַ, סטאַראָסטווע און „יורין“.

די רעעמיגראַנטן האָבן זיך

גענויטיקט אין מיטהעלפן פעסטצושטעלן זייער אנגעהעריקייט צו פוילן און זייער בירגערעכט: די היימלאזע—אין באקומען דאס רעכט צייטווייליק צו פארבלייבן: די פאליטישע — אין אזיל-רעכט: די עמיגראנטן—אין וואוינרעכט ביזן באקומען די מעגלעכקייט אפצופארן קיין אמעריקע א. אז. וו.

דערביי האט זיך יעדערער געהאט זיינע ספעציעלע זארגן און אינטערעסן. יעדע פערזאן—אן עולם בפני עצמו.

ס׳איז אויסגעקומען ווענדן זיך—דאס רוב טעלעגראפיש—צו די קרובים פון די רעעמיגראנטן, אז זיי זאלן באזארגן די פארהאלטענע מיט אויסצוגן פון די שטאנד-ביכער אדער אנדערע מינים דאקומענטן. מ׳פלעגט זיך אויך פארבינדן אין אנדערע פאלן מיט די קהילות און קאמיטעטן, וואו די באטרעפנדע פערזאן קאן באשטעטיקט ווערן אויפן סמך פון באגלויבטע עדות אדער אנדערע באווייזן, אז זי געהערט צו פוילן. וועגן די היימלאזע און עמיגראנטן פלעגט מען זיך פארבינדן מיט די צענטראלע יידישע אינסטיטוציעס אין ווארשע אויף משתדל צו זיין זיך ביי דער העכערער מאכט צו געבן זיי צייטווייליקע וואוינרעכט, אויב עס האט זיך ניט איינגעגעבן פועלן דאס ביי דער ארטיקער מאכט.

ווי ס׳איז צו זען, איז די ארבעט געווען א פארשיידנארטיקע און פארצווייגטע, אפטמאל אויך א פארשלעפטע. ס׳פלעגן דעריבער אנגענומען ווערן אלע מיטלען, אז מען זאל די צווייפלהאפטע פערזאנען ביז וואס-ווען ניט ארויסשיקן.

גרופעס היימלאזע

היימלאזע-ביוראען האט „יעקאפא״ געהאט אין די פאלגנדע גרעניץ-און טראנזיט-פונקטן: ווילנע, מאלאדעטשנע, ווילייקע, גלובאקע, ראקאוו, ראדאשקאוויטש, קראזנע, דיסנע, פליסע, דווינסק, נאוואסווענציאן, דוקשט, איגנאלינע, לינגמיאן, לידע און נאוואגרודאק.

פארשטייט זיך, אז די טעטיקייט פון די ביוראען קען ניט אפגעשאצט ווערן אונטער איין מאס און זיי דארפן כאראקטעריזירט ווערן באזונדער.

2. רעעמיגראנטן-קאמיסיעס.

חוץ די היימלאזע-ביוראען אויף די גרעניץ-און טראנזיט-פונקטן זיינען ארגאניזירט געווארן קאמיסיעס אויף די ערטער. די נפקא-מינה איז באשטאנען אין דעם, וואס די ערשטע האבן באזארגט בעיקר די דורכגייענדע, די צווייטע—בעיקר די צוריקקומענדיקע תושבים.

פארשטייט זיך, אז אויף דעם אופן האבן זיך ביי דער ארגאניזירונג פון די קאמיסיעס גענומען אין באטראכט נאר די חרובע יידישע שטעטלעך, וואוהין עס האבן געשטראמט די רעעמיגראנטן.

די קאמיסיעס זיינען געווען איינגעארדנט ביי די קאמיטעטן און קהילות און האבן קאנצענטרירט די גאנצע ארבעט לטובת די רעעמיגראנטן, אנהייבנדיק פון תמיכה און ענדיקנדיק מיט אויפבוי.

זיי פלעגן רעגיסטרירן די פעטענטן, ארויסגעבן די ערשטע הילף און באזארגן די איבעריקע נויטן, ווי מעדיצינישע הילף, שכר-לימוד, באשוכונג און באקליידונג.

זייענדיק באקאנט מיט דער לאגע פון יעדן איינציקן באזונדער, פלעגן זיי באשטעטיקן און אונטערשטיצן די בקשות פון די רעעמיגראנטן וועגן הלוואות אויף האנדל און מלאכה, הלוואות אויף מעבל און אויפבוי פון דעם חרובן הויז.

די קאמיסיעס האבן אויף אזא אופן זיך דערווארבן גרויסע פארדינסטן אין הינזיכט פון אויפריכטן די ווירטשאפט פון דער חרובער באפעלקערונג.

3. מעדיצינישע הילף.

מעדיצינישע הילף איז געווען איינע פון די אויסגאבן, אויף וועלכער עס איז געלייגט געווארן גרויס אכט און וועלכע איז געגעבן געווארן מיט א ברייטער האנט.

אויף דעם מין הילף פלעגן אסיגנירט ווערן גרעסערע סומעס אין די אלע פונקטן, וואו ס׳האבן זיך געפונען די היימלאזע-ביוראען און קאמיסיעס. עס איז, פארשטייט זיך, ניט געמאכט געווארן קיין אויסנאם אויך פאר די חולאים-היימלאזע און רעעמיגראנטן, וועלכע זיינען געווען צווארפן אין די איבעריקע פונקטן פון געגנט.

די הילף האט זיך אויסגעדריקט אין פארשיידענע פארמען:

לויט ספעציעלע אפמאכן פלעגן די שטעטלדיקע דאקטוירים געבן מעדיצינישע הילף ביי זיך און באזוכן די שווערע חולאים אין זייערע פריוואטע הייזער. אין איינציקע פונקטן זיינען אויך איינגעארדנט געווארן אמבולאטארישע אויפנאמען.

די רעצעפּטן פלעגן געמאַכט ווערן אין די אָרטיקע אַפּטייקן און פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן די חולאים אומזיסט.

לויטן צייגזען פון די קהילות און סאָמיסעטן פלעגן די געהעריקע קראַנקע באַקומען אויך פאַרשטאַרקטע דערנערונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין מילך, פלייש, ווייסברויט, ביסקוויט, פּוטער און קאַקאָ.

די אינפעקציע־חולאים זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין די ספּעציעלע רעגירונגס־באַראַקן, אָפּטמאָל איינציקע צענדליק קילאָמעטער פון שטאָט. אין די וואוינונגען פלעגן דורכגעפירט ווערן גרינדלעכע דעזינפעקציעס. פון צייט צו צייט זיינען אויך דעזינפיצירט געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע בנינים און די מאַסן־וואוינונגען.

די שווערע אינערלעכע און נערוועזע חולאים, וועלכע פלעגן זיך נויטיקן אין אַ קלינישער באַהאַנדלונג און אָפּעראַציעס זיינען געבראַכט געוואָרן קיין ווילנע און איינגעאָרדנט געוואָרן אין די אָרטיקע שפּיטאָלן, ווי משמרת חולים, יידישער שפּיטאָל, סאַוויטש און יאַקוב. די שוואַנגערע פרויען און קינדער — אין זאַרעניצער שפּיטאָל. די חולאים פון אַרום לידע — אין לידער יידישן שפּיטאָל. די קראַנקע פון נאָוואָגרודקער געגנט — אין נאָוואָגרודקער יידישן שפּיטאָל.

ס׳איז אויך געווען אַ באַדייטנדע צאָל קראַנקע, וועלכע האָט זיך גענויטיקט נאָר אין אַמבולאַטאָרישער באַהאַנדלונג. די דאָזיקע קראַנקע זיינען, לויט אַ אָפּמאַך, באַהאַנדלט געוואָרן אין די אַמבולאַטאָריעס פון „אָזע" און משמרת־חולים.

אַנדערע חולאים, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג, ווי, למשל, עלעקטריזאַציע און סאַוואוס, זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורך פּריוואַטע דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן.

געוויסע נויטבאַדערפטיקע מלחמה־אינוואַלידן, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע פיס, זיינען געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע צו ספּעציאַליסטן, וואו מען האָט זיי געמאַכט קינסטלעכע פיס.

סוף 1921 איז אונטערגענומען געוואָרן אַ גרעסערע אַקציע, וואָס האָט געטראָגן אַ ברייט־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. מיר מיינען דאָ די אַזוינגערופענע דאָקטוירים־עקספּעדיציע איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די רעעמיגראַנטן און האָט געדראָט די דאָרטיקע איינוואוינער.

ס׳זיינען דאַן באַזוכט געוואָרן: סמאָרגאָן, ווידז, קרעווע, אָלשאַן, זאַסקעוויטש, סעליוב און אַ ריי שטעטלעך אין גלובאָקער ראַיאָן. בסך־הכל האָבן געקראָגן הילף אַ 350 פּערזאָן.

די דאָזיקע אַרבעט איז געפירט געוואָרן געמיינזאַם מיט „אָזע".

4. חלוצים.

די חלוצים־עמיגראַנטן, וועלכע זיינען מאַסנווייז אָנגעקומען קיין ווילנע, האָבן ניט שטענדיק געהאַט די מעגליכקייט פאַרווירקליכן זייער ציל און עמיגרירן תיכף קיין ארץ־ישראל. צוליב פאַרשיידענע סיבות פלעגן זיי זיך פאַרהאַלטן אין פּוילן אַ לענגערע צייט, אָפטמאָל ביז 7—8 חדשים. די מאַטעריעלע לאַגע זייערע איז געווען אַ קריטישע און „יעקאָפּאָ" האָט זיי סיסטעמאַטיש געהאָלפן מיט וואָס נאָר מעגליך;

אַזוי, למשל, האָט „יעקאָפּאָ" מיטגעהאָלפן די חלוצים אין פאָלגענדן:

א) **בית־חלוצים.** כדי צו לינדערן די דירה־נויט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ בית־חלוצים. דירה־געלט איז געצאָלט געוואָרן געמיינזאַם מיטן פּאַלעסטינע־אַמט, די איבעריקע הוצאות און איינאָרדענונג האָט גענומען אויף זיך אינגאַנצן „יעקאָפּאָ".

עס איז אָפּגעלאָזן געוואָרן פון די „יעקאָפּאָ"־לאַגערן ברעטער, פון וועלכע עס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן בעטלאַך און בענק. חוץ דעם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רשות פון פּאַלעסטינע־אַמט און אויף זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט דעקעס, ציכלאַך, לייַלעכער, האַנטיכער, סעניקעס און וועש, אויף 40 בעטלאַך צו 2 גיינג.

ב) **קיך.** ביי דעם בית־חלוצים איז געווען איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע קיך. אין דער קיך פלעגן זיך דערנערן אַלע חלוצים אָן אויסנאַם, צי זיי זיינען אינטערנירט אָדער ניט. „יעקאָפּאָ" פלעגט זיי באַזאָרגן מיט רויע פּראָדוקטן, ברויט און געלט אויף פלייש. ס׳איז געווען אַ גרויסער טייל חלוצים, וואָס האָט זיך איינגעאָרדנט ביי שווערע פיזישע אַרבעט. היות ווי זייער פּרנסה איז געווען אַ קליינע, פלעגן זיי באַקומען הוספה־ראַציאָנען אויף פרישטיק און אָוונט־ברויט.

די צאָל פון די עסערס אין קיך פלעגט דערגרייכן אָפּטמאָל ביז 90 מאַן.

ג) **פּראָדוקטיווע הילף.** לויט אַ ספּעציעלער ווענדונג פון קאָמיטעט פון די חלוצים האָט „יעקאָפּאָ" אַרויסגעגעבן אַ סומע געלט אויף איינצוקויפן מכשירים פאַר בעלי־מלאכות און שוואַרצע אַרבעטער. אַדאַנק דעם האָבן די חלוצים פאַרדינט און געהאַט די מעגליכקייט צו דערשטוקעווען אויף חיונה.

ד) **פאַרשיידענעס.** די חלוצים זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט אַלע מינים הילף, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די רעעמיגראַנטן און היימלאָזע. דערביי איז דאָס אַרויסגעבן די הילף אָרגאַניזירט געוואָרן אַזוי, אַז „יעקאָפּאָ" האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט יחידים, נאָר מיט דער פאַרטרעטערשאַפט פון גאַנצן קאָלעקטיוו, וועלכער האָט אויף זיין אחריות און איינזען פאַנאַנדערגעטיילט די באַקומענע זאַכן, וועש, שיך, בגדים, געלט א.א.וו.

די חלוצים האָבן געזען אין „יעקאָפּאָ" ניט נאָר די הילפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע ערפילט בנוגע זיי די טרוקענע התחייבות, נאָר האָבן געפילט אַ וואַרעמע סביבה פון איבערגעגעבנהייט און געזעלשאַפטליכע באַציאונגען, וואָס עס ווערט באַשטעטיקט דורך די בריוו, וועלכע זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער ווילנער פּרעסע מצד די חלוצים.

5. פאַרשיידענע אַנשטאַלטן.

שוין אָפּגערעדט וועגן די הונדערטער תלמידים, לערער, קינסטלער, ליטעראַטן, ישיבה־בחורים א. א. — היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, — וועלכע האָבן באַקומען כל המינים הילף — הן מאַטעריעלע והן יורידישע — אין אַלע אָפּטיילונגען פון „יעקאָפּאָ", דאַרפן פאַרצייכנט ווערן די גרעסערע אַקציעס, וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן פאַר גאַנצע קאָלעקטיוון:

א) **„אָרט"־וואַרשטאַטן** אין ווילנע, גלובאָקע און אָשמענע. פון צייט צו צייט האָבן די תלמידים פון די אויבנדערמאָנטע וואַרשטאַטן באַקומען קליידונג, שיך און וועש.

ב) **שוקדי מלאכה** אין נאָוואָגרודעק. די לערן־ייִנגלעך האָבן אַ לאַנגע צייט באַקומען אַ מאָנאַטליכע שטיצע און זיינען סיסטעמאַטיש באַזאָרגט געוואָרן מיט בגדים, שיך, וועש, קאָנדענסירטע מילך און זייף.

ג) **לערער־סעמינאַרן** אין ווילנע. די נויט־באַדערפטיקע תלמידים פון יידישן און העברעאישן לערער־סעמינאַרן פלעגן פון צייט צו צייט באַקומען געלט־שטיצע, בגדים, שיך, וועש און מילך.

ד) **פּעדאַגאָגישע קורסן** אין ווילנע. סיסטעמאַטיש געהאָלפן די אָרעמע שילער מיט שוכונג און קליידונג.

ה) **לערער, ליטעראַטן און קינסטלער.** אין פאַרשיידענע צייטן אַרויסגעגעבן גרעסערע טראַנספּאָרטן פון בגדים, שיך און וועש. עס זיינען אויך געווען פאַלן פון געלט־שטיצע.

ו) **ישיבות.** באַזאָרגט מיט קליידונג, שיך, וועש און טיילווייז אויך מיט געלט די ישיבה־בחורים און לערנער פון די ישיבות אין ווילנע, איהיע, ראַדון און אָשמענע.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
UB | Frankfurt am Main
DFG

די פאַרוואַלטונגען פון די אויבנדערמאָנטע אַנשטאַלטן און פאַראייגען פלעגן צושטעלן אין „יעקאָפּאָ" די רשימות פון די נויטבאַדערפטיקע פּערזאָנען און „יעקאָפּאָ" פלעגט באַפרידיקן זייערע בקשות אויך דורך די פאַרוואַלטונגען. דערביי פלעגן, אָבער, די בקשות גענומען ווערן אין באַטראַכט אויף אַזויפיל. אויף וויפל זיי האָבן געהאַט אַ שייכות צו היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן, חוץ אויסנאַמס-פאַלן.

6. אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

די דערשיינונג, וואָס „יעקאָפּאָ" באַזאָרגט די יידישע היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן ניט נאָר מיט עסן, נאָר אויך מיט מלבושים, וועש און שיך האָט דערוועקט אַ סך היימלאָזע פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן צו ווענדן זיך אין „יעקאָפּאָ" מיט אַנאַלאָגישע ביטעס וועגן הילף. מאָטיווירט געווען זיינען די בקשות דערמיט, וואָס געזעלשאַפטליכע קאָמיטעטן עקזיסטירן ביי זיי לחלוטין ניט. דאַגעגן די רעגירונגס-אַנשטאַלטן באַפרידיקן נאָר ציטווייליק מיט עסן — וועגן זאַכן אָבער איז קיין רייד ניטאָ.

די טראַדיציע פון ניט צו מאַכן קיין אונטערשייד פון ייד און ניט ייד, וואָס האָט זיך פון קדמונים פּראַקטיצירט ביים איבערנעמען דורך „יעקאָפּאָ" די היימלאָזע-עשאַלאָנען און אַנדערע, איז אויך איצט פאָרטגעזעצט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ" און די בקשות זיינען על פּי רוב באַפרידיקט געוואָרן:

א) פּאָליאַקן און רוסן. דאָס רוב זיינען זיי באַזאָרגט געוואָרן אין ווילנע און מאָלאָדעטשנע. היות ווי די צענטראַלע פון „יעקאָפּאָ" האָט אָפט וועגן זייער פּאַקטישער לאַגע ניט געהאַט קיין ידיעות. פלעגט דער פאַרוואַלטער פון יוירי אין ווילנע,—וואו די רעפּאַטריאַנטן פלעגן זיך אויפהאַלטן,—באַשטעטיקן די באַדערפעניש אין מלבושים פון דער באַטרעפנדער פּערזאָן. ווייטער פלעגן אָנגענומען ווערן באַשטעטיקונגען פון די קריסטלעכע קאָמיטעטן און אויך פון באַגלויבטע פּריוואַטע פּערזאָנען.

ב) דייטשן. צוליב דעם שרעקלעכן הונגער אין רוסלאַנד האָבן איבער 100 דייטשע קאָלאָניסטן אין סאַמאַרער גוב. פאַרלאָזן זייערע דערפער און אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד דורך פּוילן. אין ווילייקע זיינען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט ביזן דורכפירן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן און האָבן זיך געפונען אין זייער אַ קריטישן מצב. די אָרטיקע אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" האָט זיי אַרויסגעגעבן זאַכן, שיך און וועש, און געשטיצט מיט געלט אויף דערנערונג אין משך פון קרוב 3 חדשים.

ג) טאַטאַרן און קאַראַאימען. אַממערסטן האָבן זיי באַקומען הילף אין נאָוואָ-סווענציאַן, וואו זיי זיינען דורכגעגאַנגען מיט די היימלאָזע-עשאַלאָנען דורך לאַטוויע אָדער ליטע. זיי זיינען דורך דעם פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ" באַזאָרגט געוואָרן מיט אַלע מינים הילף צוגלייך מיט די יידישע היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן.

אַ באַדייטנדע צאָל קריסטן האָט אויך באַקומען מיטאָגן אין דער „יעקאָפּאָ"-קיך אין ווילנע.

אַרום און אַרום זיינען דורך „יעקאָפּאָ" אין אַלע אָפּטיילונגען באַזאָרגט געוואָרן איבער 1000 ניט-יידן.

7. פּסח-אַקציע.

אין די יאָרן 1922 און 1923 איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַלגעמיינע אַקציע אין ברייטערן זין אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּסח.

די שטיצע האָט זיך פאַרשפּרייט ניט נאָר אויף די פּערזאָנען, וועלכע האָבן אין באַטרעפנדן מאָמענט באַקומען תמיכה, נאָר אויך אויף די, וועלכע זיינען פון לענגער געוועזן אויסגעשלאָסן, נאָר ניט געוועזן אויף אַזויפיל פעסט אין מעמד, אַז זיי זאָלן זיך באַגיין דעם פּסח אָן זייטיקער הילף.

פאַר די פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך דערנערט אין די „יעקאָפּאָ"-קיכן, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן סדרים און אין משך פון גאַנצן פּסח האָבן זיי באַקומען יום-טובדיקע געריכטן.

די, וועלכע האָבן געלעבט-פאַר-זיך, האָבן באַקומען צו 10 פונט מצה אויף אַ פּערזאָן און אַ געלט-סומע אויף די איבעריקע הצטרכותן.

דערביי האָט מען זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט די סאָלדאַטן פון אונזער ראַיאָן, פאַר וועלכע עס איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן מצה. לויט דער זעלבער נאָרמע, ווי די היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן.

8. דירה און האָלץ.

איינע פון די אָנגעווייטאָקסטע פראַגן פאַרן היימלאָזן און רעפּאַטריאַנט איז געווען די דירה-פראַגע, אַן אָרט, וואו די קאָפּ אָנצושפּאַרן. ס'זיינען געווען צייטן, ווען דוקא די פראַגע פלעגט זייער גיך געלייזט ווערן: בתי-מדרשים פאַרמאָגט יעדע שטאָט און שטעטל גענוג—האָט מען זוכה געווען מן המוכן. „יעקאָפּאָ" האָט אויף דעם וועג ניט געוואָלט גיין. כדי צו לינדירן די נויט, זיינען אַסיגנירט געוואָרן ספּעציעלע געלטער, וועלכע האָבן צוטריטליך געמאַכט דאָס דינגען פון דירות.

די סומעס זיינען געווען פאַרשיידען. סתם-יידן זיינען ניט געווען גלייך צו בעלי-מלאכות, וועלכע מוזן האָבן אַ ספּעציעלן צימער פאַרן וואַרשטאַט און במילא אַ גרעסערע דירה. הענדלער זיינען קאָמפּענסירט געוואָרן מיט דירה-געלט אויף געוועלבער.

עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ ריין געזעלשאַפטלעכע אַקציע אויף דעם געביט. דהיינו: ס'זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן הלוואות אויף אַרויסצוקלייבן זיך פון די פייכטע קעלערן און שמוציקע דירות און איבערבייטן זיי אויף מער באַקוועמערע—און געזונטערע.

ווייטער איז געווען די פראַגע וועגן האָלץ אויף ווינטער. די פראַגע איז געווען זייער ערנסט און זי איז געלייזט געוואָרן אין ברייטערע ראַמען; עס איז געקויפט געוואָרן אין ווילנע און אויף דער פּראָווינץ אַ גרויסער קוואַנטום האָלץ, וועלכן מען האָט פאַנאַנדערגעטיילט ניט נאָר די פּערזאָנען, וואָס באַקומען תמיכה, נאָר אויך די נצרכים פון פריער מיט דעם אונטערשייד, וואָס די לעצטע האָבן דאָס האָלץ באַקומען אויף ביליקע פּרייזן און בתורת הלוואה אין משך פון 3—4 חדשים אויסצוצאָלן.

II. קינדער-פאַרזאָרגונג.

1. דערנערונג.

אונטערן וואָרט קינדער-פאַרזאָרגונג מיינען מיר קודם-כל צו באַצייכענען די טעטיקייט אויף צו פאַרשטאַרקן דעם פיזישן צושטאַנד פון אַ גרויסן טייל קינדער, וועלכע זיינען אַממייסטן אויסגעצערט און אויסגעבלייכט געוואָרן, אַלס קרבנות פון מלחמה. אויב די וואָגלעניש און מאַטערניש האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערע משא אויף די דערוואַקסענע היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן — אַ פּשיטא שוין אויף די קינדער. די שווערע לעבנס-און וואוינונגס-באַדינגונגען אין דער ערשטער צייט פון זייער אומקערן זיך—שמוציקע קעלערס, אָטאָפּעס, פייכטע דירות—האָבן צושטערט דאָס געזונט, דער עיקר פון די קינדער—און דערצו נאָך די כמצומצמדיקע פּרנסה פון די עלטערן, וואָס האָט ניט געקלעקט מפרנס צו זיין די פאַמיליע.

ס'זיינען מעדיציניש אונטערזוכט געוואָרן די קינדער אין די הויפּט-פּונקטן פון די רעפּאַטריאַנטן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דאָרט צו קאָנצענטרירן די אַקציע. די דאָזיקע פּונקטן זיינען געווען: סמאַרגאָן, ווידז און קרעווע.

אום צו פאַרבעסערן דעם פיזישן מצב פון די קינדער וואָלט געווייינטליך געווען ווינשענסווערט צו איזאָלירן זיי אין אינטערנאַטן אָדער אין אַנדערע פּאַסנדע אַנשטאַלטן און געבן אויף זיי אַ ספּעציעלע השגחה. אַזאַ פּרוב איז געמאַכט

געוואָרן מיטן גרינדן דעם אינטערנאַט אין סמאַרגאָן, וועלכן עס הערט געווידמעט ווייטער אַ באַזונדער פּרק. לעזן אָבער די פראַגע אַזוי בדרך כלל איז געווען אוממעגליך צוליב אַ סך טעמים און דעריבער האָט זיך „יעקאָפּאָ" אָפּגעשטעלט, חוץ דעם אינטערנאַט אין סמאַרגאָן, אויף דעם איינציג-מעגליכן מיטל צו אַסיגנירן ספּעציעלע סומעס אויף צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן די דערנערונג פון די שוואַכע און בלוטאָרימע קינדער, ביי דער געהעריקער אויפזיכט.

די אַלגעמיינע צאָל פון אַזוינע געשטיצטע קינדער האָט דערגרייכט 220.

2. אַדאָפּטירטע יתומים.

די אַדאָפּטאַציע פון יתומים בכלל האָט געהערט אויסשליסלעך צו דער קאָמפּעטענץ פון יתומים-דעפּאַרטאַמענט ביים ד. ד. ק. די יתומים, אָבער, פון הײמלאָזע און רעעמיגראַנטן האָט דער דאָזיקער דעפּאַרטאַמענט ניט געקענט גלייך אָננעמען צוליב די אַנדערע דרינגענדערע אויפגאַבן און מעטאָדן פון דער אַרבעט, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט.

דאָ איז אָבער, ווי אומעטום, געקומען שנעל צו הילף דער הײמלאָזע-דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט דער איינפאַכקייט אין דער אַרבעט, ווי אויך פּשוטקייט פון דער פּראָצעדור, און האָט אויך אין דעם פאַל גענומען אין אַכט אונזער מעמאָראַנדום און האָט מסכים געווען אויף אַ צייטווייליקע דריי חדשימדיקע אַדאָפּטאַציע פון די קינדער הײמלאָזע און רעעמיגראַנטן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן יתומים-דעפּאַרטאַמענט וועגן אַ שטענדיקע אַדאָפּטאַציע, וואָס איז אויך שפּעטער-צו געקרוינט געוואָרן מיט אַן ערפאָלג.

אַזוינע צייטווייליק אַדאָפּטירטע קינדער-הײמלאָזע זיינען געווען 117.

3. שול-בילדונג.

כדי צו פאַרענדיקן דאָס בילד, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די קינדער-פאַרזאָרגונג, וועט זיין ניט איבעריק צו דערמאָנען די ספּעציעלע אַסיגנירונגען אויף שכר-לימוד.

אַ דאַנק דעם, זיינען אַלע קינדער פון שול-עלטער איינגעאָרדנט געוואָרן אין פאָלקס-שולן און אַנדערע לער-אַנשטאַלטן און האָבן באַקומען די נייטיקע ערציאונג.

אין די אינעווייניקסטע פּעדאַגאָגישע פראַגן האָט זיך „יעקאָפּאָ" ניט געמישט. עס איז בלויז געשטעלט געוואָרן אַ תנאי די פּעדאַגאָגישע ראַטן, אַז דער לימוד הן פון יידיש והן פון העברעאיש דאַרף זיין אָבליגאַטאָריש. דער תנאי איז געווען אַ מוז-זאַך פאַר ביידע טיפּן שולן.

ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז בערך 100 קינדער פון די הײמלאָזע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ביי אַ פאַך.

וועגן דער גרויסער אַקציע אויפן געביט פון שול-בילדונג מיטן אויסשטעלן מאָדערנע בנינים פאַר פאָלקס-שולן ווערט ברייטער און גענויער גערעדט אין אַרטיקל וועגן אויפבוי און אין אַנדערע ערטער פון בוך.

III. פּראָדוקטיווע הילף.

1. איינאָרדענונגס-הלוואות.

מיט צוויי וועגן האָט צו יענער צייט געקענט אויפגעשטעלט ווערן דער יידישער הײמלאָזער און רעעמיגראַנט: מיט הלוואות אויף מסחר און מלאכה און מיט קרעדיט אויף אויפבויען דאָס הויז. ביידע האָבן זיי געהאַט דעם צוועק אויפצוריכטן דעם רעעמיגראַנט צו אַ מער—ווייניקער נאָרמאַלן לעבן, אַז ער זאָל ניט דאַרפן בלייבן קיין קעסט-קינד ביי דער יידישער געזעלשאַפט.

וועגן דער אויפבוי-אַקציע ווערט געשריבן באַזונדער אין אַן אַנדער אָרט. דאָ ווילן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די איינאָרדענונגס-הלוואות.

די דאָזיקע הלוואות זיינען געווען באַזונדערס נויטיק אין יענע צייטן, ווען דער חורבן און דלות האָבן געסייפט אין יעדן ווינקעלע, און פון דער אַנדערער זייט האָט דאָך די חרובע שטעטל אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַלץ מער צו קומען צו זיך: עס שטעלן זיך איין מערק און עס לעבט אָפּ האַנדל-וואַנדל. דער אַרומיקער פּויער, אויך אַ רעעמיגראַנט, דאַרף אַ שוך, אַ קלייד—קריגן די בעלי-מלאכות אַרבעט. מ'דאַרף אָבער האָבן מיט וואָס די הענט פונאַנדערצובינדן. די תשובה איז אַ גרייטע: הלוואות.

יידישע פאָלקס-באַנק זיינען דאַן ווייניק וואו געווען. דאָרט, וואו אַזוינע האָבן עקזיסטירט, האָבן זיי דעם לווה ניט געקענט באַפרידיקן. ס'פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן אַזאַ מינימום הלואה, אַז אַ פּריען רעעמיגראַנט—אַ מחוסר הכל—האָט עס קוים געקענט קלעקן אויף קלייניקייטן.

די פראַגע וועגן קריגן ספּעציעלע סומעס אויף אַ ביליקן קרעדיט איז געשטאַנען אין איר גאַנצער ברייט.

א) פאַרבאַנד פון אוקראַאינער יידן אין לאָנדאָן. סוף מאַי 1921 האָט ד"ר יאָכעלמאַן, דער פאָרשטייער פון פאַרבאַנד פון אוקראַאינער יידן אין לאָנדאָן, באַזוכט ווילנע. „יעקאָפּאָ" האָט איינגעלאַדן דעם חשובן גאַסט אויף אַ ספּעציעלע זיצונג, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דעם 31 מאַי 1921. אויף דער זיצונג איז גענוי באַהאַנדלט געוואָרן די לאַגע אין ווילנער פּראָווינץ.

גראָד איז דער מאָמענט צונויפגעפאַלן מיטן אָפּשטעלן דורך דעם ד. ד. ק. די אַלגעמיינע תמיכה, וואָס האָט געווירקט קאַטאַסטראָפאַל מיט דער אומגעריכטקייט.

וועגן דער אַרבעט פון הײמלאָזע-דעפּאַרטאַמענט, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרבייטן די אַלגעמיינע תמיכה, האָט מען דאַן גענוי נאָך גאָרניט געקענט וויסן, כאָטש ער האָט זיך נאָך ערשט אָרגאַניזירט. די אונטערהאַנדלונגען מיט ד"ר יאָכעלמאַן האָבן זיך, אַלזאָ, געדרייט אַרום דעם איינציקן פּונקט וועגן דער ווייטערדיקער הילף.

ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָס רוב הײמלאָזע און רעעמיגראַנטן קומען פון אוקראַאינער געגנט און ס'ליגט אַ פליכט אויפן אוקראַאינער פאַרבאַנד קומען זיי צוהילף.

ד"ר יאָכעלמאַן האָט זיך מיט דעם זייער פאַראינטערעסירט, זאָגאַר ערקלערט, אַז אייגנטלעך האָט די גאַנצע הילף געדאַרפט גיין דירעקט קיין אוקראַינע, ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען אַהין צוצוקומען, היות, אָבער, ווי דאָס איז אוממעגלעך, דאַרף זי פאַרשפּרייט ווערן אויף די געליטענע פון אוקראַינע, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. צום סוף האָט ער צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, כדי צו ערליידיקן בינסטיק די פראַגע.

אַלס רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען האָט דער לאָנדאָנער פאַרבאַנד צוגעשיקט דעם 8 אויגוסט 1921 אין רשות פון „יעקאָפּאָ" אַ סומע פון צוויי טויזנט ענגלישע פונט.

אין משך פון אָט דער צייט האָט די הײמלאָזע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" אַנטוויקלט אויף די מיטלען פון ניי-אַנטשטאַנענעם הײמלאָזע-דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד. ק. אַ ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון געבן גיכע הילף די הײמלאָזע און רעעמיגראַנטן. די דרינגענדע נויט אויף דערנערונג, שוכונג און קליידונג איז אַלזייטיק באַפרידיקט געוואָרן אַזוי, אַז „יעקאָפּאָ" האָט געפונען פאַר איבעריק און ניט צוועקמעסיק פאַרטיילן די סומע ווידער אויף תמיכה, און האָט פאַרוואַנדלט דאָס געלט אויף אַ פּראָדוקטיוון צוועק. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרווענדן 90 פּראָצ. פון דער סומע אויף הלוואות און דערמיט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד צו אַ ליי-פאָנד ביי „יעקאָפּאָ", וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב און האָט געדינט, די אינטערעסן פון די קליינהענדלער און בעלי-מלאָכות, ווי אויך

און דער אינטעליגענץ צווישן די הימלאָזע און רעעמיגראַנטן, געליטענע פון די פּאָגראָמען און מהומות אין אוקראַינע א. א.

שפּעטער, אין אַפּריל 1922, האָט דער אוקראַינער פאַרבאַנד אַסיגנירט אויף דעם צוועק נאָך 500 פונט.

די אַקציע האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן און די רעזולטאַטן זיינען געווען די בעסטע.

ב) ד. ה. ק. הימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט. דער לייַ-פאָנד האָט זיך אַלץ שטאַרקער אַנטוויקלט און האָט זיך געניויטיקט אין גרעסערע קאַפּיטאַלן. מען האָט געדאַרפט געפינען נייע מקורים. די רעעמיגראַציע איז געגאַנגען מיט אַ גרויסן טעמפּ. דער אויפבוי-פּראָצעס אין די צושטערטע שטעטלעך איז ניט געשטאַנען אויף איין מצב. עס האָט געברויזט און געפיבערט און עס האָט זיך געשאַפן אַ נייער לעבן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם זיינען אַנטשטאַנען נייע אויפגאַבן. די באַדערפעניש אין מזומן געלט, אַלס קרעדיט, איז געוואָרן אַלץ מער אַקטועל.

די סומעס פון עקזיסטירנדן פאָנד, הגם זיי זיינען געווען פאַרהעלטנישמעסיק באַדייטנד, זיינען זיי דאָך געווען קליין לגבי די נויטן.

דער הימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט פון ד. ה. ק., וועלכער האָט זיך צום אָנהויב געווידמעט איינגאַנצן דער שנעלער הילף און האָט זיך גיך איבערצייגט אין דער פּאַראַלעלער וויכטיקייט פון הילף אויף פּראָדוקטיווע יסודות, האָט גענומען ערנסט די פאָרשלאָגן פון „יעקאָפּאָ“ אין די ספּעציעלע מעמאָראַנדומס וועגן הלוואות און האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי זיי צו רעאַליזירן. מיר זאָגן „געזוכט וועגן“, ווייל אין אַ באַוואוסטער הינזיכט איז דאָס געווען אָפּהענגיק ניט איינגאַנצן פון הימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט, נאָר פון קאָנסטרוקטיוון, וועלכער האָט געזאָלט אָנפירן מיט דער קאָנסטרוקטיווער זייט פון דער רעמאָלטיקער ד. ה. ק.-אַרבעט.

די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן זיך מכח דעם געפירט, זיינען ערליידיקט געוואָרן גינסטיק פאַר דער זאַך. לכתחילה זיינען די סומעס אויף הלוואות אַריינגעפלאָסן אין „יעקאָפּאָ“-פאָנד אין קלענערע סכומים, אָבער מיט דער צייט זיינען די אַסיגנירטע געלטער אויף הלוואה-צוועקן געוואָרן אַלץ אַן אָפטערע ערשיינונג און האָבן דערגרייכט אַ גרעסערן קאַפּיטאַל.

די באַדינגונגען, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן ביים אַרויסגעבן די הלוואות מצד דעם קאָנסטרוקטיוון דעפּאַרטאַמענט, זיינען געווען לפי ערך קאָמפּליצירטע און באַשווערנדע. דאָס לעבן האָט אָבער אָפּגעשאַפט די געשטעלטע באַגרעניצונגען און פאַקטיש זיינען די סומעס פאַרווענדעט געוואָרן אויף די זעלבע יסודות, ווי די איבעריקע לייַ-געלטער און האָבן דערפירט די אַקציע ביז צו אַ גליקלעכן סוף.

ג) זאַמלונג פאַר הימלאָזע. עס איז אויך צוגעקומען אַ דריטער מקור, וואָס האָט אַ חלק אין דער באַרייכערונג פון לייַ-פאָנד: אַן אייגענע זאַמלונג אויף דער ווילנער פּראָווינץ.

לויט אַ פאָרשלאָג פון ה' העשל הורוויטש, אַ דעלעגאַט פון ניי-סווענציאַן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ“ אין דעצעמבער 1921, איז דורך דער אָנגערופענער קאָנפערענץ פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ זאַמל-טאָג לטובת די הימלאָזע און רעעמיגראַנטן.

אין דעם באַשלוס איז אַ חוץ דער פּראַקטישער וויכטיקייט—דער פאַרגרעסערונג פון הלוואה-מיטלען—אויך געווען אַ טיפער עטיש-פּסיכאָלאָגישער מאָמענט: די גרייטקייט מיטצוהעלפן די נויטבאַדערפטיקע מיט די אייגענע כוחות אויף אָרט. אין דער הינזיכט איז, דוכט זיך, די קאָנפערענץ געווען די ערשטע אין פּוילן, וועלכע האָט זיך געשטעלט אויף דער נויטיקער הויך און האָט געוועקט די ברידערלעכע התחייבותן פון די אַמאָליקע מקבלים צו ווערן נותנים.

די רעזאָלוציע פון דער אויבנדערמאָנטער קאָנפערענץ האָט געהייסן אַזוי: „נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די הימלאָזע-פראַגע איז אַן אַלגעמיינע פאָלקסזאַך, לייגט פאָר די קאָנפערענץ דער עקזעקוטיווע פון געגנט-קאָנפערענץ „יעקאָפּאָ“ דורכצופירן אַן איינמאָליקע באַשטייערונג און זאַמל-טאָג אין דער גאַנצער געגנט לטובת די הימלאָזע“.

אויף דער שפּעטערדיקער באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון די הימלאָזע-ביוראָען און קאָמיסיעס וועגן פאַרשיידענע אַקטועלע פראַגן פון הימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן האָט מען גענוי אַרומגערעדט די געלט-זאַמלונג און מען האָט פאָרמולירט, אַז דער ציל פון דער זאַמלונג דאַרף זיין: 1) אַ „פאָנד פאַר הימלאָזע“, 2) אַלס התחלה פאַר דעם פאָנד דאַרף צונויפגעקליבן ווערן אַ סומע פון 10 מיליאָן מאַרק און 3) די אַקציע דאַרף דורכגעפירט ווערן אָן הוצאות און עס דאַרפן אָנגענומען ווערן אַלע מיטלען, אַז זי זאָל ברענגען דעם געוואונטשענעם רעזולטאַט.

צום סוף פון דער באַראַטונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר-קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט צונויפרופן אַ ספּעציעלע באַראַטונג פון פאָרשטייער פון די גרעסערע פּונקטן פון דער פּראָווינץ, וועלכע זאָל דורכפירן די אַקציע אויף די ערטער.

די באַראַטונג, וועלכע האָט זיך צונויפגעקליבן דעם 3-טן מאַי 1922, האָט באַשלאָסן פאָלגנדעס:

א) „די סומע פון דער זאַמלונג דאַרף זיין ניט ווייניקער פון 10 מיליאָן מאַרק פאַר דער פּראָווינץ אַליין און זי דאַרף זיין בלויז אַ התחלה“.

ב) „דער צוועק פון דער זאַמלונג איז אַ קאָנסטרוקטיווער פאָנד לטובת אונזערע רעעמיגראַנטן מיטצוהעלפן איינצואָרדענען זיי אויף די ערטער, אויפצושטעלן זייערע הייזער און ווירטשאַפטן, אויפהייבן זייער רעכטלעכע לאַגע וכדומה“.

ג) „פון די צונויפגעזאַמלטע סומעס דאַרפן 70 פּראָצענט פאַרווענדעט ווערן אויף הלוואות פאַר רעעמיגראַנטן אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן, 20 פּראָצ. אויף יורידישע-הילף פאַר הימלאָזע און רעעמיגראַנטן און 10 פּראָצ. אויף אָרגאַניזאַציע-הוצאות“ (צו פירן די ווייטערדיקע הילפס-אַרבעט).

ד) „בנוגע דער אָרגאַניזירונג פון דער זאַמלונג ווערן איבערגעלאָזן פאַר יעדן ראַיאָן באַזונדער די אופנים און מיטלען וועלכע ער געפינט פאַר מער צוגעפּאַסט. ס'ווערט אויסגעדריקט דער וואונטש, אַז עס זאָלן צונויפגערופן ווערן ראַיאָן-קאָנפערענצן, כדי בעסער און געזעלשאַפטלעכער אַוועקצושטעלן די זאַך“.

צום סוף איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אויפרוף, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און פּלענום פון „יעקאָפּאָ“ צו די יידן-בירגער פון דער פּראָווינץ.

דער אויפרוף איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין אַלע שטעטלעך פון גאַנצן ראַיאָן און די זאַמלונג האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן. דער גאַנצער ראַיאָן, אָן אויסנאַם, האָט זיך אָפּגערופן און ס'זיינען אַריינגעפלאָסן סומעס אפילו פון די קלענסטע יידישע ישובים און קבוצים.

* * *

די הלוואות זיינען געגעבן געוואָרן אויף פאַרשיידענע צוועקן: א) קליינהאַנדל, ב) מלאכה, ג) קליינע פּראָדוקטיווע אונטערנעמונגען און ד) דירה-געלט (אַרויסצוציען די רעעמיגראַנטן פון די אָקאָפּעס אָדער קעלערן און דערמיט געבן זיי די מעגלעכקייט צו אַן אָנשטענדיקן מענטשלעכן לעבן).

די סומעס פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן אין געלט. עס זיינען אויך געווען פאַלן, ווען לויטן וואונטש פון די בעלי-מלאכות

האָבן זיי באַקומען אין דער געזעלשאַפט „אָרט״ געצייג און מכשירים און „יעקאָפּאָ״ פלעגט איינצאָלן די באַטרעפנדע סומעס.

די לווים פלעגן דאַרפן צושטעלן ערבים. דערביי פלעגט מען שטאַרק ניט בודק זיין, אַז די זשיראַנטן זאָלן זיין דווקא פון דער ערשטער מדרגה, כדי ניט צו פאַרשווערן די לווים אין באַקומען דאָס געלט.

עס האָט זיך אָבער אומבאַדינגט געפאָדערט א באַשטעטיקונג פון דער אָרטיקער קהילה אָדער קאָמיטעט, אַז די באַטרעפנדע פערזאָן נויטיקט זיך אין דער הלוואה.

די גרויס פון דער סומע איז געווען א באַוועגלעכע און איז געשטיגן צוזאַמען מיט דער אַנטווערטונג פון פּוילישן מאַרק. די ערשטע הלוואות זיינען געווען אין גרויס פון 10 טויזנט מאַרק און דערגרייכט צום סוף ביז 200.000 מאַרק.

דער ערפאָלג פון די הלוואות איז געווען אין לשער. פילע האָבן זיי צו פאַרדאַנקען, וואָס זיי זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער דעמאָראַליזאַציע. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דאָס איז געווען דער בעסטער מיטל פון קאָנסטרוקטיווער הילף. דער פאַקט פון די פּינקטלעכע אויסצאָלונגען צוריק, הגם מיט דער צייט איז פון דאָס געלט צוליב דער דעוואַלוואַציע גאָרניט געוואָרן, — איז בלי ספק א איבערצייגנדע ראיה, אַז די מענטשן האָבן זיך מער-ווייניק איינגעאָרדנט.

ועל כולם דאַרף באַטאָנט ווערן דער פּסיכאָלאָגישער איבערברוך ביים פריערדיקן פּאַטענט, וועלכער איז אויסגעקומען אָן דער תמיכה און איז געוואָרן מיט לייטן גלייך.

2. הלוואות עמיגראַנטן.

א וויכטיקן אָרט האָט פאַרנומען דאָס אַרויסגעבן הלוואות די ניי-אָנגעקומענע עמיגראַנטן. דאָס האָט אַפילו קיין שייכות ניט געהאַט צו פּראָדוקטיווער הילף אין עצם פון דער זאַך, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן רעפּאַטריאַנטן, וואָס בלייבן אויף אַן אָרט, נאָר וועגן א פליטענדן עלעמענט, אָבער איינגעאָרדנט די עמיגראַנטן האָט עס בלי שום ספק.

צוליב דעם, וואָס רוסלאַנד איז געווען איין צייט אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט בכלל און פון אַמעריקע בפרט, פלעגן הונדערטער נפשות, על פי רוב קינפטיקע עמיגראַנטן, דערקלייבן זיך מיט סכנת נפשות קיין פּוילן, מיטן געדאַנק צונויפשרייבן זיך מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע.

וועגן זייערע ענויים און איבערלעבונגען איז שוין אויסגעקומען צו ריידן אויבן. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן נאָר דאַן געהאַט א זין זייערע ליידן און פּלאַגן, ווען די עמיגראַנטן האָט זיך איינגעגעבן דאָ אין פּוילן צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע און קריגן פון זיי שיפס-קאַרטעס, בריוו און געלט.

כדי אָבער צו פאַרבינדן זיך מיט די קרובים און איבערוואַרטן די צייט, זיינען געווען נייטיק געלט-מיטלען אויף דעפּעשן און אַנדערע קאָסטן, וואָס זיינען דאַן געווען גענוג גרויסע. אָפּטמאָל פלעגן די עמיגראַנטן קומען פון איבער די גרעניצן באַרויבטע און אָרומגענומענע ביז מוטער-נאַקעט און פאַרבינדן זיך מיט די קרובים אין אַמעריקע איז פאַר זיי געווען א לעבנס-פראַגע אין בוכשטעבליכן זין פון וואָרט.

דער ענין פון אַרויסגעבן הלוואות עמיגראַנטן איז געוואָרן אַזוי אַקטועל, אַז עס האָט פאַרנומען א ספּעציעלע זיצונג אויף דער היימלאָזע-באַראַטונג פון „יעקאָפּאָ״, אין מערץ 1922. וועגן דער וויכטיקייט — האָט קיינער ניט געצווייפלט. א חלוקי-דעות האָט אַרויסגערופן די גרויס פון דער הלוואה און די זיכערקייט, אַז דער לוה וועט איר אומקערן. עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן א פאָרשלאָג וועגן משכּנות. דאָס האָט אָנגעטראָפן שטאַרקע קעגנער. צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדער באַשלוס:

א) עמיגראַנטן ווערט אַרויסגעגעבן הלוואות ביז 30 טויזנט מאַרק אויף התחייבותן אָן זשירעס און אָן פּראָצענט. די הלוואות ווערן אַרויסגעגעבן דירעקט דורך די ביוראָען פאַר היימלאָזע. אויב דער עמיגראַנט נייטיקט זיך אין א גרעסערע הלוואה, דאַרפן זיך די ביוראָען פאַרשטענדיקן מיט דער צענטראַלע פון „יעקאָפּאָ״. בעת דער עמיגראַנט באַקומט געלט פון אַמעריקע אָדער אַנדערע ערטער באַצאָלט ער דעם חוב.

ב) אויף משכּנות ווערט קיין געלט ניט אַרויסגעגעבן.

די גרונט-הנחה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס צוליב דער וויכטיקייט און ערנסטקייט פון דער זאַך איז געגעבן געוואָרן ברייטערע רעכט די היימלאָזע-ביוראָען אַרויסצולייען די פאַראינטערעסירטע עמיגראַנטן די נויטיקע סומע אויף זייער אייגענער אחריות און אָן שום פאָרמאַליטעטן.

די הלוואות אויף דעם צוועק זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן ניט פון אַלגעמיינעם הלוואה-פאָנד, נאָר פון ספּעציעלע געלטער.

די אַרויסגעגעבענע סומעס זיינען פאַר יענער צייט געווען גאַנץ באַדייטנדע.

3. פּראָפעסיאָנעלע בילדונג.

אויף דעם געביט, וועלכער האָט לכל הדעות געדאַרפט ווערן א וויכטיקער צווייג אין דער אַרבעט, צוגרייטנדיק די קינדער צו א זעלבסטשטענדיקן לעבן איז, ליידער, דאַן ווייניק אויפגעטאָן געוואָרן, צוליב אומאָפּהענגיקע סיבות.

„יעקאָפּאָ״ האָט שטענדיק באַטראַכט די פראַגע אַלס איינע פון די וויכטיקסטע און האָט ניט איין מאָל זיך געווענדט אין ד. ד. ק. און אַנדערשוואו וועגן לייגן אויף דעם איר אכט.

כדי דעם ענין אַלזייטיק אויפצוקלערן, איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַן אַנקעטע איבער דער פּראָווינץ און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צום חודש אָקטאָבער 1922 זיינען פאַררעגיסטרירט אין ווילנער געגנט 738 קינדער-היימלאָזע און רעעמיגראַנטן אין עלטער פון 14—18 יאָר, וועלכע זיינען געווען גרייט צו לערנען זיך א פאַך.

אויפן סמך פון די ציפער און פאַקטן איז דעם 1 נאָוועמבער 1922 איבערגעגעבן געוואָרן אין היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד. ק. א ספּעציעלער מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס איז באַלויכטן געוואָרן די דרינגענדע נויט אין פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. עס איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָס ליידיק-גיין טרייבט די קינדער צו דעמאָראַליזאַציע און הפקרות. צום סוף איז פאָרגעלייגט געוואָרן א גענויער פּראָיעקט ווי אַזוי דורכצופירן די זאַך אין לעבן.

דער היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט, הגם ער האָט אָפּגעשאַצט די גרויסע וויכטיקייט פון דעם ענין, האָט דאָך די זאַך ניט געקענט דורכפירן. האַלטנדיק, אַז דאָס געהערט ניט צו אים, נאָר צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרנעמט זיך בכלל מיט קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, און אָט אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע דאַרף אויך געבן אויף דעם די געלט-מיטלען. דער קאָנסטרוקטיווער-דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד. ק., ווידער, איז נאָך צו דער אַרבעט ניט צוגעטראָטן...

ווי עס זאָל ניט זיין, איז אויף דעם געביט, ווי געזאָגט, אין יענער צייט נאָר ווייניג אויפגעטאָן געוואָרן.

IV. אויפבוי פון חורוב-געוואָרענע דורך דער מלחמה הייזער.

1. יחידישע און געזעלשאַפטליכע בנינים.

נאָר א גרויסן חלק האָט די צענטראַלע היימלאָזע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ״ אין דער וויכטיקער און אינטערעסאַנטער אַר-

DFG

בעט פון דער אינדיווידועלער אויפשטעלונג פון דעם רעעמיגראַנטס הויז און אין דער ווידערגעבורט פון דער חרובער שטעטל.

מיר מיינען דאָ די אויפבוי-אַרבעט אין איר גאַנצן פאַרנעם:

קודם כל דאַרפן דערמאָנט ווערן די הונדערטער הייזער פאַר יחידים, וועלכע זיינען געוואָרן אַדאַנק די הייזער פּראָדוקטיוו-פייאיקע מענטשן.

אַ חשובן פּלאַץ פאַרנעמען אויך די אויפנאַם-בנינים פאַר די נייע רעעמיגראַנטן, זיי זאָלן ביז-וואָס-ווען ניט ליגן אויפן גאַס אָדער וואַלגערן זיך אויף די בוידעמער, אין אָקאָפּעס אָדער פייכטע קעלערן.

ווייטער גייען די געזעלשאַפטליכע-בנינים אויף קהלשע הצטרכותן.

און צום סוף — די ספּעציעלע בנינים אויף פאָלקס-שולן פאַר די קינדער.

דאָס זיינען אַלץ מאָנומענטאַלע זאַכן, וואָס דאַרפן פאַרשריבן ווערן אויפן אַקטיוו פון דער צענטראַלער היימלאָזע- און אויפבוי-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ", וועלכע האָט אויסגענוצט אַלע געלעגנהייטן, כדי צו געפינען אויף דעם די נויטיקע געלט-מיטלען און ברענגען דעם ענין צו דער פאַרווירקליכונג.

מיר מוזן זיך באַגרענעצן וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט נאָר מיט די פאָר שורות, ווייל אין דער גאַנצער ברייט ווערט זי באַלויכטן ווייטער אין אַ באַזונדערן אַרטיקל, וואו עס ווערט גערעדט ספּעציעל וועגן דער אויפבוי-אַרבעט.

מיר געפינען אָבער פאַר נויטיק צו פאַרנאָטירן דאָס אויף דעם אָרט, דרך אַגב, ווייל עס האָט, ווי געזאָגט, אַ דירעקטע שייכות צו דער היימלאָזע-אָפּטיילונג.

2. מעבל.

אין פּראָצעס פון דער בויאונגס-אַקציע האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וויכטיקן פאַקט: עס האָט זיך געמערקט אַ גרויסער מאַנגל אין שטוביקע מעבל.

דער יידישער בונה האָט בכלל ניט געהאַט וואָס איבערצונעמען זיך מיט גרויס עשירות אין כלי-בית. אים האָט ניט איינמאָל פאַרפעלט אַ קישן צו קאָפּן, אַ סעניק אונטערן זייט. נאָר דאָס, וואָס איז געווען בלאַ-יודעים, האָט אויפן זייטיקן מענטשן ניט געמאַכט אַזאַ שווערן איינדרוק.

מען האָט אָבער ניט געקענט שלום מאַכן מיט געדאַנק, אַז אין שטוב פעלן די עלעמענטאַרע חפצים, ווי אַ שטול און אַ טיש. אַ בעט און אַלמער האָבן זיך גערעכנט פון די לוקסוס-זאַכן, וואָס ניט אַבי-ווער קען זיך דאָס פאַרגינען.

און דאָך האָבן, לכתחילה, די ישוב-הדעתן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאָרשלאָג וועגן באַזאָרגן די רעעמיגראַנטן מיט שטוביקע מעבל, ניט געפונען קיין איינהייטליכקייט אין קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ", צוליב פּרינציפּיעלע טעמים. מיר וועלן דערמאָנען נאָר איינציקע פון זיי: „יעקאָפּאָ" דאַרף זיך ווידמען אויסשליסלעך דער אויפבוי-אַרבעט. צופיל נעמען אויף זיך פאָר מען ניט און מען דאַרף ניט. וועגן די כלי-בית דאַרף דער בונה אַליין זאָרגן און מען דאַרף פון אים ניט אַוועקרויבן די איניציאַטיוו אין דער הינזיכט.

דער צד שכנגד האָט אויפגעוויזן, אַז די מעבל-אַקציע איז ניט קיין זעלבסטשטענדיקע, נאָר אַ טייל אין דער אויפבוי, אַן אָרגאַנישער חלק פון בנין. דער חוב פון „יעקאָפּאָ" איז צו זאָרגן פאַר איר, פּונקט ווי עס ווערט געזאָרגט פאַר די ווענט, דאַך און איבעריקע חלקים פון בנין.

מנצח געווען האָט דער צווייטער שטאַנדפּונקט. דער געדאַנק האָט געפונען אַן אונטערשטיצער אין פּערזאָן פון דירעקטאָר פון היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט ביים ה. ד. ק. ה׳ י. שווייצער, וועלכער איז געווען אָנוועזנד אויף דער זיצונג פון דער היימלאָזע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע דעם 3-טן אויגוסט 1922. ער האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָיעקט און האָט אַסיגנירט אַלס התחלה אַ געוויסע סומע געלט.

אין די ווייטערדיקע זיצונגען זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די יסודות פון פירן די מעבל-אַקציע און פון פאַרטיילן די מעבל פאַר די בונים.

פּרינציפּיעל איז אָנגענומען געוואָרן, אַז קיין מזומן געלט ווערט קיינעם ניט אַרויסגעגעבן, חוץ אין אויסנאַם-פאַלן. כדי די מעבל זאָל אויסמאַכן דעם בונה ביליקער איז איינגעקויפט געוואָרן אַ גרויסער טראַנספּאָרט מעבל מיט אַמאָל.

דאָס מעבל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בתורת הלואה אויף 6 חדשים אויסצוצאָלן, אויף די זעלבע יסודות, ווי די איינאָרדענונגס-הלואות, לויט אַ באַשטעטיקונג פון די קהילות און קאָמיטעטן, אַז די באַטרעפנדע פּערזאָן נויטיקט זיך אין מעבל, אָבער מיטן אומבאַדינגטן תנאי, אַז מעבל זאָלן באַקומען נאָר די בונים-רעעמיגראַנטן, וואָס בויען זייערע הייזער.

דאָס מעבל האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן דער אינעווייניקסטער איינאָרדענונג פון דער דירה, אַלס אָרגאַנישער טייל פון בנין גופא.

צוליב פאַרשיידענע טעמים האָט זי

זיך אויסגעדריקט נאָר אין באַזאָרגן מיט שטולן און אייזערנע בעטן. אין אַנדערע ערטער האָבן די לאָקאַלע קאָמיטעטן, לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו, פאַרפאַרטיקט אַ גרעסערע צאָל טישן און אַלמערס פאַר די בונים. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן געמאַכט קניות אין ווילנע אויפן חשבון פון „יעקאָפּאָ".

ווי יעדער מין אויפבוי האָט אויך די מעבל-אַקציע געהאַט גרויס ערפאָלג. די ערשטע התחלה-סומע האָט ניט געקלעקט און עס האָבן זיך באַקומען אויף דעם צוועק נייע געלטער.

V. יורידישע הילף.

די אַלע אויבנדערמאָנטע ענינים און אויפטוען זיינען ניט אַריבער אָן יורידישער הילף.

דער גורל פון היימלאָזן און רעעמיגראַנט איז שטענדיק געווען רייך מיט פּלאָנטערן און שטרויכלונגען. פאַרפּלאָנטערט און פול מיט סירכות און פּנימיות זיינען הן זיינע ציווילע והן די בירגערליכע ענינים און אומעטום האָט ער זיך גענויטיקט אין אַ מליץ-יושר—אַ פאַרטיידיקער פון זיינע רעכט.

די יורידישע אָפּטיילונג, וועלכע איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער היימלאָזע-אָפּטיילונג, האָט אין אַלע צייטן און ביי אַלע באַדינגונגען באַדינט די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס היימלאָזע מיט עצות און מעשים.

גענויער וועגן די אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יורידישער אַרבעט, ווערט גערעדט אויבן אין דעם באַזונדערן אַרטיקל „יורידישע הילף".

VI. אָרגאַניזאַציע-ענינים.

1. באַראַטונגען.

כדי צו קאָאָרדינירן די אַרבעט אויפן גאַנצן שטח פון טעטיקייטס-געביט פון „יעקאָפּאָ" זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פון צייט צו צייט באַראַטונגען פון די פאָרשטייער פון די היימלאָזע-ביוראָען און קאָמיטעטן, אויף וועלכע מען פלעגט דורכריידן זיך מכח די אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן, טיילן זיך מיט די דערפאַרונגען און אָנמערקן די וועגן און אופנים פון דער ווייטערדיקער אַרבעט.

פון די דאָזיקע וויכטיקערע באַראַטונגען וועלן מיר דערמאָנען פאָלגנדע צוויי:

די ערשטע איז פאָרגעקומען דעם 28-טן פעוורואַל און 1-טן מערץ 1922. צווישן אַנדערע זיינען באַהאַנדלט און אָנגענומען געוואָרן געהעריקע רעזאָלוציעס וועגן פאָלגנדע ענינים:

א) בנוגע הלואות פאַר עמיגראַנטן: דער טעקסט פון דער רעזאָליוציע איז אָנגענומען

אויבן אין קאַפּיטל: „הלוואות עמיגראַנטן“.

ב) בנוגע יורידישע הילף: לעגאַליזירן די ביוראָען און דעלעגירן אַ פאַרשטייער קיין װאַרשע צו די פאַרשיידענע היימלאָזע־אָרגאַניזאַציעס װעגן קאָנטאַקט אין דער אַרבעט.

ג) בנוגע הלוואות רעעמיגראַנטן: פאַרגרעסערן די הלוואות.

ד) בנוגע דער זאַמלונג פאַר היימלאָזע: אָרגאַניזירן די גאַנצע אַקציע.

ה) בנוגע דער איינהייטלעכער רעגיסטראַציע: אויסאַרבייטן אַן אַלגעמיינע רעגיסטראַציע און בוכהאַלטעריע פאַר אַלע ביוראָען און קאָמיסיעס.

ס׳איז אויך באַשלאָסן געװאָרן צו פּובליקירן אַ התראה, אַז די היימלאָזע און עמיגראַנטן פון רוסלאַנד זאָלן ניט לויפן קיין פּוילן, אויפקלערנדיק דערביי די געפאַרן, װעלכע זיי שטייען פאָר.

די צווייטע באַראַטונג איז פאָרגעקומען דעם 29—30 אויגוסט 1922. די װיכטיקסטע רעזאָלוציעס זיינען געװען פאָלגענדע:

א) בנוגע די ביוראָען פאַר היימלאָזע: זיי זאָלן אומבאַדינגט זיין אונטערגעװאָרפן דעם קאָנטראָל פון די קהילות און קאָמיטעטן אויף די ערטער.

ב) בנוגע רעעמיגראַנטן: פאַרגרעסערן די הלוואות אויף איינאָרדענען זיך און באַזאָרגן מיט מכשירים די בעלי־מלאכות.

ג) בנוגע פּראָפעסיאָנעלע בילדונג: פאַרװירקלעכן װאָס גיכער אין לעבן די פּלענער פון „יעקאָפּאָ“ אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג.

2. צירקולאַרן און זיצונגען.

אין משך פון דער אויבנדערמאָנטער צייט זיינען דורך דער צענטראַלער היימלאָזע־אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ“ פאַנאַנדערגעשיקט געװאָרן צו די אָפּטיילונגען און קאָמיסיעס, װעלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט היימלאָזע־פאַרזאָרגונג, 48 צירקולאַרן.

די צירקולאַרן האָבן באַהאַנדלט אַלע ענינים, װאָס האָבן אַ שייכות צו היימלאָזע, רעעמיגראַנטן און עמיגראַנטן, װי: דערנערונג, האָלץ, דירה, קיכן, פּסח־אַקציע, מגורשים, באַשטייערונג, הלוואות, רעגיסטראַציע, שריפטלעכע באַריכטן, װעגן איינהייטלעכער בוכהאַלטעריע און פאַרשיידענע אָנװייזונגען די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן.

פאַר דער זעלבער צייט זיינען פאָרגעקומען 63 זיצונגען פון דער היימלאָזע־צענטראַלע, װי אויך 16 זיצונגען פון דער עקזעקוטיװע פון „יעקאָפּאָ“, װאו עס זיינען באַהאַנדלט געװאָרן דער עיקר היימלאָזע־פראַגן.

י.

די טעטיקייט אין די אָרטיקע ביוראָען און רעעמיגראַנטן־פּונקטן.

צום סוף האַלטן מיר פאַר נויטיק צו װידמען אַ ספּעציעלן פּרק דער טעטיקייט פון איניקע מער װיכטיקע פּונקטן אין אונזער פּראָװינץ, װי אויך פון דער היימלאָזע־ביוראָ אין דער שטאָט װילנע.

1. מאָלאָדעטשנע.

אַלס טראַנזיט־און גרעניץ־פּונקט האָט זי פאַרנומען דעם װיכטיקסטן אָרט אין אונזער ראַיאָן, הן מיט דער צאָל דורכגייער והן אין מעשים. מיט רעכט איז זי טיטולירט געװאָרן דורך די היימלאָזע אַלס „טויער צו פּוילן“. זייענדיק אין נאָענטער שכנות צו מינסק—דעם זאַמלפּונקט פון היימלאָזע און רעעמיגראַנטן,— איז מאָלאָדעטשנע געװען דער דורכװאַנדערונגס־אָרט נאָך דאַן, װען אין אַנדערע ערטער פון אונזער געביט איז פון װאַנדערער אפילו קיין זכר ניט געװען. און װען מאָלאָדעטשנע איז געװאָרן דער זיץ־פּלאַץ פון די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, װי סטאַציאַ קאָנטראָלנאַ און „יו״ר“,—זיינען דאָרט קאָנצענטרירט געװאָרן די אַלע, װעלכע האָבן געװאַנדערט דורך ראַדאָשקאָװיטש, איליע, קראַסנע פון מינסקער זייט, װי אויך טיילװייז דורך דאָקשיץ, דאַלהינאָװ, זיאַבקי פון דער זייט פון פּאָלאָצק.

די באַציאונג צו די יידישע היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, װי אויך צו די פאַרשטייער פון דער אָרטיקער ביוראָ מצד די אָנפירער פון די מלוכה־אָרגאַנען, איז מערסטנטיילס געװען אַ טאָלעראַנטע. עס פלעגט אָבער אויך פּאַסירן, אַז מיט אַ מאָל פלעגט װערן אַן ענדערונג און עס פלעגט אַרויסגעװיזן װערן פּלוצלונג אַ געװיסער חשד צו די פאַרשטייער והן צו די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן: אַזוי, למשל, איז איינצייטיג

1) ניט ערלויבט געװאָרן די פאַרשטייער צו אינטערװענירן װעגן יורידישע ענינים אָן אַן ערלויבעניש פון די העכערע רעגירונגס־אָרגאַנען און זייער טעטיקייט איז באַגרעניצט געװאָרן נאָר מיט אַרויסגעבן עסן און קליידונג.

2) די רעגיסטראַציע פון די פּערזאָנען אויף צו באַקומען די ערלויבטע תמיכה האָט געמוזט פאָרקומען אין געגנװאַרט פון אַ פּאָליטישן באַאַמטן פון יו״ר און דער געשעפט האָט זיך געמוזט פירן נאָר אין פּויליש.

װייטער פלעגט טרעפן, אַז מען פלעגט האַלטן אין קאַראַנטין װאָכן און חדשים אָן אַ חקירה ודרישה, װאָס עס האָט אומגעהויער שלעכט געװירקט אויף די פאַרהאַלטענע פּערזאָנען.

עס איז אָבער בלי ספק אין אַלגעמיין געװען מער ליכט װי שאָטן אין די געגנזייטיקע באַציאונגען פון די אויבנדערמאָנטע אַנשטאַלטן צו אונזערע פאַרשטייער און פּעטענטן.

די גזירות פלעגן אָפטמאָל בטל װערן פון זיך אַליין, אָפטמאָל דורך אַ דירעקטער אינטערװענץ מצד דער צענטראַלע פון „יעקאָפּאָ“ ביי די אָנפירער פון די אַנשטאַלטן אין מאָלאָדעטשנע גופא. אין באַזונדערס װיכטיקע פאַלן פלעגט מען זיך אויך װענדן צו די צענטראַלע רעגירונגס־אָרגאַנען אין װילנע.

אַדאַנק די פרידלעכע באַציאונגען איז אַנטװיקלט געװאָרן דורך אונזערע פאַרשטייער אַ באַדייטנדע טעטיקייט אויף אַלע געביטן: שוין אָפּגערעדט פון די פאַרשיידענע אינטערװענצן װעגן איינצלנע פּערזאָנען, פלעגן אָנגענומען װערן אַלע מיטלען, אַז די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן זאָלן ניט פאַרהאַלטן װערן קיין איבעריקע צייט אין קאַראַנטין, די ספּעקריקע—זאָלן אָפּגעשיקט װערן אין פּאַװיאַס אויף אַ דעציזיע פון סטאַראָסטע. די קראַנקע און חולאים פלעגן איזאָלירט װערן אין פּריװאַטע דירות אויף דער אחריות פון די פאַרשטייער און, ענדליך, פלעגן אַלע פּעטענטן באַפרייט װערן אונטער דער השגחה פון דער ביוראָ אויף װאַרימע מיטאָגן, װעלכע פלעגן פאַר זיי צוגעגרייט װערן אין אַ פּריװאַטער הייז אויפן חשבון פון „יעקאָפּאָ“.

היות, װי די ערשטע צייט פון אָרגאַניזירן דעם באַראַק דורך יו״ר איז אויסגעקומען די היימלאָזע צו שלאָפן אויף דער ערד איז דורך „יעקאָפּאָ“ אַרויסגעגעבן געװאָרן אַ געװיסע סומע אויף איינצואָרדענען דאָרט נאַרעס, װי אויך אַ געהעריקע צאָל סעניקעס. פאַרשטייט זיך, אַז מיט די סעניקעס און נאַרעס האָבן זיך באַנוצט הן יידן והן קריסטן.

די װיכטיקסטע מיטאַרבעטער אין דער מאָלאָדעטשנער ביוראָ זיינען געװען ה״ה יוחנן לעװין און יוסף װידראָװיטש.

2. ראַקאָװ.

נאָך מאָלאָדעטשנע איז ראַקאָװ געװען דער צווייטער פּונקט, װאוהין עס פלעגן שטראָמען װאַנדערער פון דער זייט פון מינסק. להיפּך אָבער צו מאָלאָדעטשנע, האָט דאָרט ניט עקזיסטירט קיין יו״ר און סטאַציאַ קאָנטראָלנאַ, נאָר זיי האָט פאַרביטן די אָרטיקע פּאָליציי אָדער די מיליטערישע גרעניץ־מאַכט.

אויב די דורכגייער פלעגן אָנטרעפן אויף דער פּאָליציע — זיינען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן אין צירקל, ביז עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרעסערע פּאַרטיע, און דאַן פלעגן זיי אָפּגעשיקט ווערן קיין סטאָלבצי צום סטאַראָסטע.

האָבן זיי אָבער אָנגעטראָפן אויף דער מיליטערישער וואַך, האָט מען זיי איבערגעגעבן צום מיליטערישן קאָמענדאַנט, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַראָרדענונג אַלעמען — היימלאָזע אָדער רעעמיגראַנטן — אָפּשיקן צוריק קיין רוסלאַנד. דערביי פלעגן זיך אָפּשפּילן שרעקלעכע סצענעס, וואָס האָבן ניט איינמאָל גערירט די הערצער אַפילו פון קאָמענדאַנט און פון דער גרעניץ־וואַך, וועלכע פלעגן אין אַזעלכע פאַלן זוכן פאַרשיידענע תירוצים, כדי צו פאַרואיקן די צוריקגעשיקטע.

די ביוראָ האָט געהאַט איר אויפגאַבע צו באַזאָרגן, ערשטנס, די אַלע אָנגעקומענע מיט דערנערונג און קליידונג, ניט אויסשליסנדיק אויך די, וועלכע פלעגן געשיקט ווערן צוריק. צווייטנס — שאַפן ווי ווייט מעגלעך בעסערע באַדינגונגען פאַר די פּערזאָנען, וועלכע פלעגן דאַרפן פאַרבלייבן אַ קורצע און זייער אָפט אַ לענגערע צייט אין דער פּאָליציע.

צו דעם צוועק זיינען אין צירקל, וואו די פאַרהאַלטענע פלעגן זיך אויפהאַלטן, איינגעאָרדנט געוואָרן נאַרעס, כדי מען זאָל זיך ניט וואַלגערן אויף דער ערד. ווייטער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שטענדיקע קיך, וועלכע פלעגט טעגלעך באַזאָרגן די פאַרהאַלטענע מיט וואַרעמע מיטאָגן. עס זיינען אויך געדונגען געוואָרן פּריוואַטע דירות אויף איינצוקוואַרטירן מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט קראַנקע, שוואַכע און קינדער. און לסוף זיינען געדונגען געוואָרן פורן פאַר די אַלע, וועלכע פלעגן אָפּגעשיקט ווערן קיין שטויבץ (סטאָלבצי), אַ מהלך פון בערך 70 קילאָמעטער פון ראַקאָוו.

ס'איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַן אַמבולאַטאָריע ספּעציעל פאַר די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, וועלכע פלעגן קראַנק ווערן אין וועג, אַריבערגייענדיק די גרעניץ. אַזוי האָט געטראָפן אַ שרעקלעכער פאַל, ווען אַ גרופּע וואַנדערער, בלאָנדזענדיק דורך נאַכט, האָט אָפּגעפרוירן די הענט און פיס. „יעקאָפּאָ" האָט תיכף געשיקט דירעקט פון ווילנע אַ דאָקטאָר־כירורג, וועלכער האָט אַלעמען אָפּערירט.

די אַרבעט פון די פאַרשטייער אין ראַקאָוו איז געווען באמת אַ מסירות־נפשדיקע. דאָס רוב זיינען דאָרט דורך עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעשריבן מיט די קרובים אין אַמעריקע. אין פּוילן האָבן אויף זיי געוואַרט אַפּידעוויטן, שיפס־קאַרטעס און געלט. די מענטשן האָבן פאַרענדיקט אַלע זייערע חשבונות מיט רוסלאַנד און דאָס צוריקשיקן זיי האָט פאַר דעם עלעמענט באַטייט אַ פולשטענדיקע קאַטאַסטראָפע. די יורידישע אַרבעט און פאַרשיידענע אינטערווענצן מצד די אָרטיקע פאַרשטייער איז געווען זייער גרויס און אָפט מיט הצלחה.

די טיכטיקסטע מיטאַרבעטער אין ראַקאָווער ביוראָ זיינען געווען הרב ר' אברהם קאַלמאַנאָוויטש און ה' מיכאל פּופּקין.

3. ווילייקע.

גרויס ווילייקע האָט על פּי רוב ניט געהאַט קיין נייע פּעטענטן, נאָר אַהין פלעגן צוגעשיקט ווערן דער עיקר פון מאָלאָדעטשנער סטאַציע קאָנטראָלנאַ די רעעמיגראַנטן, וועמענס אָנגעהעריקייט צו פּוילן איז געווען אין ספק און היימלאָזע, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין באַקומען צייטווייליקע וואוין־רעכט.

אין ווילייקע איז ניט געווען קיין אַנשטאַלט ווי יו״ר, וועלכע זאָל אויסנעמען די דאָזיקע פּערזאָנען און דעריבער פלעגן זיי אַריינגעזעצט ווערן אין דער פּאָוויאַטאָווער תפיסה ביז דער דעציזיע פון סטאַראָסטע.

די היימלאָזע־ביוראָ האָט אַזעלכע פאַרהאַלטענע געגעבן די ערשטע הילף מיט דערנערונג און הייסע מיטאָגן, פלעגט אויך די קראַנקע און שוואַכע איזאָלירן, מיט דער הסכמה פון סטאַראָסטע, אין פּריוואַטע דירות.

דערהויפּט, אָבער, דאַרף באַצייכנט ווערן די ענערגיע, וועלכע אונזערע פאַרשטייער פלעגן אָנווענדן ביי געבן די נויטיקע יורידישע הילף און דערמיט מציל זיין צענדליקער רעפּאַטריאַנטן א. אַ. וו.

חוץ אַ טראַנזיט־פּונקט, איז ווילייקע אויך געווען אַ רעעמיגראַציע־אָרט. הונדערטער פאַמיליעס האָבן דאָרט אין דער מלחמה־צייט פאַרלאָרן צוליבן אָנגריף פון די דייטשן אַ דאַך איבערן קאָפּ, זיינען מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם שטראָם קיין רוסלאַנד און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט גענומען וואַנדערן צוריק. דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן איינציקע ישובים פון אַרום ווילייקע, וועלכע זיינען ביסלעכווייז, אַ דאַנק דער צוריק־וואַנדערונג, געקומען צום לעבן.

די ביוראָ האָט זיך מיט אַלעמענס לאַגע פאַראינטערעסירט און אַרויסגעגעבן זיי די נויטיקע שטיצע, אָנהייבנדיק מיט פּשוטער תמיכה און ענדיקנדיק מיט אויפבוי.

די טיכטיקסטע מיטגלידער אין ווילייקער ביוראָ זיינען געווען דער פאָרזיצער פון קהילה ה' שלמה־חיים דובין, וויצע פאָרזיצער ה' יהודה פריידעס און דער סעקרעטאַר ה' יעקב קאַפּעליאָוויטש.

4. גלובאָקע.

גלובאָקער ביוראָ איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף אַלע געביטן. זי האָט זיך פאַרנומען מיט ספּעציפישע אַרבעטן ביים יו״ר און סטאַציע קאָנטראָלנאַ, וועלכע האָבן דאָרט עקזיסטירט. אַכט. אין אַ קלענערן מאַסשטאַב ווי אין מאָלאָדעטשנע. זי האָט געדאַרפט דערוועקן פאַרשיידענע השתדלותן ביים סטאַראָסטע, ווען עניני פון וואוין־רעכט און אַנדערע, פּונקט אַזוי ווי אין ווילייקע. פון דער אַנאַלאָגישער טעטיקייט מיט ראַקאָוו קענען פאַרצייכנט ווערן די וויכטיקסטע אויפטוע לטובת די עמיגראַנטן, וועלכע זיינען דאָרט דורך אין אַ גרויסע צאָל. און אַזוי ווי אומעטום זיינען דאָרט געווען אַלע קאַטעגאָריעס היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, וועלכע זיינען אין דער ביוראָ באַזאָרגט געוואָרן.

די הויפּט־וואַנדערונג האָט געפלאָסן פון דער זייט פון פּאָלאָצק, ווי קובּיליטש, לוזשקי און אָרעכזענע. עס איז אָבער געווען אויך אַ גרויסע צאָל, דער עיקר צווישן די רעעמיגראַנטן, וועלכע האָט זיך אומגעקערט אין גלובאָקע גופא און איז אָנגעקומען לעגאַל מיט עשעלאָנען דורך ראַטנע, באַראַנאָוויטש און אַנדערע ערטער.

גלובאָקע האָט אויך געדינט אַלס צענטער פאַר דער גאַנצער סביבה. חוץ דעם, וואָס די ביוראָ אין גלובאָקע פלעגט באַזאָרגן די אַלע רעעמיגראַנטן, וועלכע פלעגן זיך אומקערן אין יענער געגנט, זיינען אויך דורך די אָרטיקע פאַרשטייער באַזוכט געוואָרן אַלע נערבייאיקע ישובים און שטעטלאַך ווי: דיסנע, דרויע, מיאָר, ניי־פּאָהאָסט, גערמאַנאָוויטש, לוזשקי, פּליסע און שאַרקאָווש ש׳זנע מיטן ציל איינצושטעלן נאָענטערע באַציאונגען מיט די אויבנדערמאָנטע פּונקטן, ווי אויך גרינדן אָרטיקע הי[illegible]זע־קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן פירן די אַקציע אויף מער געזעלשאַפטלעכע יסודות.

אין גלובאָקע איז זייער גוט געווען אָנגעשטעלט די מעדיצינישע הילף דורך דאָקטאָר־באַזוכונגען, רעצעפּטן און פאַרשטאַרקטע דערנערונג. עס איז אויך געלייגט געוואָרן גרויס אַכט אויף די באַשוכונג און באַקליידונג, הלוואות עמיגראַנטן און רעעמיגראַנטן, שכר־לימוד און דירות־פּראַגע.

די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער פון גלובאָקער ביוראָ זיינען געווען הרב ר׳ יוסף כ״ץ און ה׳ שלמה פאַגין.

5. דווינסק.

דווינסק געהערט צו לעטלאַנד. דורך אָט דער שטאָט איז לויט אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די פאַראינטערעסירטע מלוכות פאַרגעקומען דער עשעלאָן־טראַנזיט פון רוסלאַנד קיין ליטע דורך יעלאָווקא—אַבעלי.

היות ווי לעטלאַנד גרעניצט זיך אויך מיט פוילן האָט אַ גרויסער טייל פוילישע רעעמיגראַנטן, סיי יידן סיי קריסטן, אויסגענוצט די געלעגנהייט און דורך פאַרשיידענע אופנים געקומען מיט די היימלאָזע־עשעלאָנען קיין לעטלאַנד מיטן געדאַנק פאָרטצוזעצן זייער נסיעה קיין פוילן.

די צאָל פון אַזוינע „פאַרבלאָנדזשעטע" רעעמיגראַנטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז די פוילישע מלוכה האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן באַאַמטן אויף דער לעטישער טעריטאָריע אין קאַלקון, וועמענס ציל עס איז געווען צו רעגיסטרירן די אַלע פּערזאָנען און אָפּשיקן זיי מיט די געהעריקע פּאַפּירן קיין פוילן אין קאַראַנטין.

די באַציאונג פון די רעגירונגס־פאַרשטייער צו די יידישע רעפּאַטריאַנטן איז געווען זייער אַ שלעכטע און אָנגעזאַפּט מיט שנאה. פאַר זיי האָבן ניט עקסיסטירט קיינע דאָקומענטן און באַווייזן: צו אַלעמען מיט דער זעלביקער פאַרביסנקייט, חשד אין באָלשעוויזם און אומלאָיאַליטעט. דער פועל־יוצא פון דעם—אַ פולשטענדיקער חרם אויף די יידישע רעעמיגראַנטן און קיינעם ניט דורכלאָזן קיין פוילן.

די לאַגע פון אַזוינע פּערזאָנען איז געווען אומגעהויער שווער. די לעטישע רעגירונג, וועלכע האָט זיך לכתחילה באַצויגן צו זיי גאַסטפריינדלעך, האָט גענומען שפּעטער קוקן אויף זיי מיט אַ קרום אויג. באוסן, אַז ליינגער פאַרבלייבן אויף דער טעריטאָריע פון לעטלאַנד האָבן זיי ניט געקאָנט און דאָס צוריקשיקן זיי קיין רוסלאַנד איז געווען אומפאַרמיידלעך.

דער פאַרצווייפלטער געשריי פון די רעעמיגראַנטן איז דערגאַנגען צו „יעקאָפּאָ", וועלכע האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז די לאַגע זאָל דאָרט געענדערט ווערן.

„יעקאָפּאָ" האָט דעם ענין אויסגעקלערט אין צענטראַלן היימלאָזע־דעפּאַרטאַמענט פון דער רעגירונג אין ווילנע און מיט זיין הסכם און רשות איז דעלעגירט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ" אַ באַפולמעכטיקטער קיין לעטלאַנד מיטן ציל אויסצופאָרשן די אמתע לאַגע און קאָנטראָלירן די באַקומענע ידיעות, ווי אויך אינטערווענירן וועגן דעם ענין ביים באַאַמטן אין קאַלקון און ביים קאָנסול אין דווינסק.

אַלס רעזולטאַט פון דער נסיעה האָט זיך די לאַגע באַדייטנד געענדערט צום גוטן. דער באַאַמטער אין קאַלקון איז געוואָרן אַ סך מילדער אין זיינע פאָדערונגען. דער פוילישער קאָנסול האָט זיך מיט דער לאַגע פון די רעעמיגראַנטן פאַראינטערעסירט און פאַראָרדנט דעם פאַרשטייער צו מאַכן אַלע נויטיקע פאַרלייכטערונגען.

עס איז אויך פאַראינטערעסירט געוואָרן די דווינסקער קהילה, וועלכע האָט אויסגעטיילט פון זיך אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון 4 פּערזאָן, און זיי האָבן געבילדעט די אַזוי אָנגערופענע „ביוראָ פאַר היימלאָזע" אין דווינסק.

כדי די 4 פאַרשטייער זאָלן האָבן אַ פאָרמעל יורידישע באַרעכטיקונג אין הינזיכט פון אינטערווענצן ביי דער פוילישער מאַכט, איז זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם ווילנער יו״ר באַשטעטיקונגען, אַז זיי זיינען די פאַרשטייער פון „יעקאָפּאָ" אין די אַלע ענינים פון יידישע הייכלאָזע און רעעמיגראַנטן.

די ביוראָ האָט געדונגען אַ דירה אין קאַלקון, וואו די יידישע רעעמיגראַנטן האָבן זיך אויסגעהאַלטן ביז זייער אָפּשיקן קיין פוילן, זי האָט איינגעלאַדן אַ ספּעציעלן מענטשן, וועלכע איז פייגעווען אויפן באַן ביים אַריינזעצן זיך אין די צוגן, זי האָט געגעבן דערנערונג און מעדיצינישע הילף, משתדל געווען זיך ביי דער לעטישער מאַכט, אַז די צווייפלהאַפטע זאָלן ניט צוריקגעשיקט ווערן צוריק, נאָר איבערגעלאָזן ווערן אין לעטלאַנד ביז זייער מעגלעכקייט אַריינצופאָרן קיין פוילן וועט אינגאַנצן ערליידיקט ווערן.

די ביוראָ האָט אין הינזיכט פון אינטערווענץ אויסגעטאָן זייער פיל און געבראַכט אַ סך נוצן די רעעמיגראַנטן און היימלאָזע.

זי האָט עקסיסטירט פון 27 מאַי 1921 ביז 10 מערץ 1922.

די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער אין ביוראָ זיינען געווען די ה״ה: ר. צבי, ד״ר ווייסמאַן, שמואל הורוויטש, י. עדעלשטיין און דער סעקרעטאַר פון דער קהילה יצחק לעווין.

6. נאָוואָ־סווענציאַן.

די ביוראָ אין נאָוואָ־סווענציאַן האָט באַדינט די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, וועלכע פלעגן פאָרן פון רוסלאַנד דורך לעטלאַנד און ליטע, ווי אויך די רעעמיגראַנטן פון ליטע גופא. צווישן די לעצטע זיינען געווען פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. עס זיינען געווען פרייוויליקע רעעמיגראַנטן, וועלכע האָבן אין דער צייט פון דער מלחמה געלעבט אין ליטע און גענומען אומקערן זיך אַ היים. דאָס רוב זיינען עס געווען פון דער נאָענטער סביבה ווי: ווידז, בראַסלאַוו, היידוצישקי און אַנדערע. עס זיינען אויך געווען געצוואונגענע רעעמיגראַנטן, אַזוי גערופענע מגורשים, וועלכע די ליטווישע מלוכה האָט אַרויסגעשיקט פון לאַנד, און פאַרקערט מגורשים פון פוילן קיין ליטע, אָדער סתם רעעמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעקליבן נאָוואָ־סווענציאַן אַלס דורכגאַנגס־פונקט. די אַלע זיינען אויך באַזאָרגט געוואָרן דורך דער נאָוואָ־סווענציאַנער ביוראָ.

די רייזנדע דורך לעטלאַנד פלעגן דורכמאַכן זייער נסיעה די גאַנצע וועג ביז נאָוואָ־סווענציאַן מיטן באַן. דאַגעגן די ליטווישע פלעגן זיך דערקלייבן ביז דער דעמאַרק־ליניע מיט פור.

דער טרעף־פונקט מיט דער פוילישער גרעניץ־וואַך איז געווען אין פאַרשיידענע ערטער: דוקשט, איגנאַלינע, לינגמיאַן און קאָלטיניאַן. דער זאַמל־פונקט איז אָבער געווען אין נאָוואָ־סווענציאַן, וויל דאָרט האָבן עקסיסטירט דער יו״ר—אויף אָפּצוריכטן קאַראַנטין, און די סטאַציע קאָנטראָלנאַ—אויף דעם פּאָליטישן קאָנטראָל.

כ׳זיינען געווען פאַלן, ווען וואַנדערער דורך ליטע האָבן באַגעגנט שוועריקייטן מצד דער גרעניץ־וואַך, וועלכע פלעגט צונעמען ביי די רעעמיגראַנטן די פּערזענלעכע דאָקומענטן אויף אָפּצושיקן קיין ווילנע און ביז אַ תשובה—לאָזן זיי אויף דער דעמאַרק־ליניע אונטערן פרייען הימל. אַזאַ פּראָצעדור פון דורכקוקן די פּאַפּירן, וועלכע פלעגט געדויערן אַ לענגערע צייט, האָט געווירקט זייער שווער אויף די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען.

עס איז מצד „יעקאָפּאָ" דערלאַנגט געוואָרן אַ מעמאָראַנדום צו דער געהעריקער מאַכט אין ווילנע וועגן דעם ענין און אַדאַנק דעם האָט זיך דאָס מער ניט איבערגעחזרט און אַלע אָן אויסנאַם פלעגן אַריבערגעשיקט ווערן אין נאָוואָ־סווענציאַן.

ווי עס איז צו זען, האָט די ביוראָ אין דעם אָרט געהאַט היימלאָזע און רעעמיגראַנטן פון פאַרשיידענע מינים. דאָס האָט געשאַפן אַ לאַגע, אַז די אינטערווענצן זיינען געווען אָפטער ווי אין אַנדערע ערטער און די ענינים פאַרפּלאָנטערטער. און דורך אונזערע פאַרשטייער איז באמת אַ סך אויסגעטאָן געוואָרן אויף דעם געביט.

די באַציאונג צו די פּאַציענטן אין יוי"ר איז געווען אַ פריינדלעכע און אַ גוטע. פון דער סטאַציע קאָנטראָלנאַ — אָ זסמאָל יורידיש שטריינג, אַבער בכלל — אַ לאָיאַלע.

דורך „יעקאָפּאָ“ איז דאָרט אויך אויסגעהאַלטן געוואָרן אַ קיך און עס זיינען אַריסגעגעבן געוואָרן אַנדערע מינים הילף, ווי: מילך פאַר קינדער און קראַנקע, ביסקוויטים, זייף, וועש, בגדים, שיך און הוצאות־הדרך.

דער פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ“ און פאַרוואַלטער פון דער ביוראָ אין נאָוואָסאָנציאַן איז געווען ה׳ העשל הורוויטש.

7. ווילנע.

די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן פון אַלע אויבנדערמאָנטע פונקטן, וואוהין זיי זיינען ניט געפאָרן, פלעגן אַפּמייסטן דורכגיין דורך ווילנע. ווייטער איז געווען גרויס די צאָל פון די רעעמיגראַנטן פון די שכנות־דיקע חרובע ערטער, ווי קרעווע, סמאָרגאָן, ווידז און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך צייטווייליג באַזעצט אין ווילנע, מחמת מאַנגל פון דירות אין זייערע פונקטן. עס האָט זיך אויך אומגעקערט אַן עס־רב פון רוסלאַנד דירעקט קיין ווילנע. זיי זיינען דאָס רוב געקומען מיט עשעלאָנען דורך די צענטראַלע פּוילישע טראַנזיט פונקטן ווי ראַווע, באַראַנאָוויטש און דאָראָהוסק.

די אַלע אָנגעקומענע האָבן געשאַפן גרויסע קאָדרן נצרכים, וועלכע זיינען די ערשטע צייט פון זייער אָנקומען געווען אָנגעוויזן אויף דער הילף פון „יעקאָפּאָ“.

די צאָל היימלאָזע און רעעמיגראַנטן איז ווי אין אַ צענטראַלן פונקט געווען די גרעסטע און בפּילא זיינען אויך געווען גרויס די נויטן. ס׳איז אָנגעהויבן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע טעטיקייט אויף צו באַפרידיקן די דאָזיקע טאָגטעגלעכע נויטן און באַדערפענישן פון די פּעטענטן.

דאָ האָבן געפונען אַן אָרט די אַלע אָנגעמערקטע פּאָזיציעס פון אַרבעט, וועלכע זיינען געבוי אַרומגערעדט געוואָרן אין די פריערדיקע פּרקים.

דערביי האָט זיך די ווילנער היימלאָזע־ביוראָ אָפּגעגעבן אינגאַנצן מיט דער מאַטעריעלער זייט פון דער הילפס־אַקציע. דאַקעגן די יורידישע פונקציעס האָט דערפילט די צענטראַלע יורידישע אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ“.

דער פאַרוואַלטער פון דער ביוראָ אין ווילנע איז געווען ה׳ הלל פּליאַם.

8. סמאָרגאָן.

סמאָרגאָן — אַ קהילה פון בערך 16,000 יידן — אַ באַקאַנטע אינדוסטריע־שטאָט מיט אַ גוט־אַנטוויקלטער לעדער־פאַבריקאַציע, איז אין דער מלחמה פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו געהילץ, איז חרוב ומוחרב געוואָרן עד היסוד, מויער און שטיין — האָבן געלאָזן הינטער זיך ווענט און אויסגעשטאַרצטע קוימענס. די גאַנצע באַפעלקערונג איז צעשפּרייט און פאַרשפּרייט געוואָרן אין ווייטן רוסלאַנד.

דאָס אומקערן זיך איז געווען אַ כאַאָטישער און געטראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער. קיין וואוינונגען זיינען ניט געווען, האָט מען זיך אַריינגעקליבן און פאַרפולט אַלע קעלערן, אָקאָפּעס, חורבות, בוידימער און שטאַלן.

אייגנטלעך איז אַזאַ מאַסן־רעעמיגראַציע פאָראויסגעזען געוואָרן נאָך אין נאָוועמבער 1920. דאַן איז פאַרענדיקט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“ אַ בנין, וועלכער זאָל אויפנעמען די קינפטיקע רעעמיגראַנטן.

דאָס איז אָבער געווען ווייניק. די באַדערפעניש אין צייטווייליקע דירות, ביז די רעעמיגראַנטן וועלן אויפשטעלן זייערע הייזער פון דאָס נייע, איז געווען אויסערגעוויינלעך דרינגענד. „יעקאָפּאָ“ האָט ווי ווייט מעגלעך געלינדערט די דירה־נויט דורך אויפשטעלן אַ ריי געזעלשאַפטלעכע בנינים.

ווייטער איז געווען ניט ווייניק דרינגענד די הילפס־אַקציע בכלל, וועלכע איז דערלײדיקט געוואָרן אין סמאָרגאָן מיט אַ ברייטער האַנט: די גרויסע געלט־שטיצע, וועלכע איז דאָרט אויסגעשאָטן געוואָרן, די הלוואות אויף איינצואָרדענען זיך. דאָס אַרויסגעבן מעבל, די הונדערטער פּאָר שיך, קאָסטיומען, קליידער, מאַנטלען, וועש און נאָך פאַרשיידענע מינים קליידונג און פּראָדוקטן ועל כולם די גרויסע אויספּוי־אַקציע, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג פאַרן וואוילשטאַנד פון דער שטאָט.

און דאָך וואָלט זיך פילן אַ גרויסער בלויז אין דער אַרבעט, ווען „יעקאָפּאָ“ וואָלט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין דער שווערער לאַגע פון די קינדער און ניט געשאַפן מעגלעכקייטן צו דערהאַלטן זיי ביי דער נשמה.

די מלחמה־ירושה האָט זיך שטאַרק געלאָזט מערקן אויף די קינדערשע גופים׳לעך. די אויספאָרשונגס־אַרבעט אויף דעם געביט האָט פעסטגעשטעלט, אַז פון 211 קינדער, וועלכע זיינען אונטערזוכט געוואָרן דורך אַ דאָקטאָר אין סמאָרגאָן, זיינען אַלע קינדער אָן אויסנאַם פּלוס־אָרים. חוץ דעם האָט יעדער קינד אָן און פאַר זיך אַ הוספה־מחלה: 159 קינדער ליידן אויף אינערלעכע און אַנדערע קראַנקהייטן: 31 הויטקראַנקע; 11 אויגן־קראַנקע; 6 פּסיכישע און נערוועזע קראַנקע; 3 אויערן־קראַנקע; 1 קראַנקער אויף נאָז־און האַלדז.

די לאַגע האָט געקאָנט ווערן נאָך שרעקלעכער, ווען מען וואָלט ניט אָנגענומען עקסטרא אָרדינערע מיטלען אויף צו לאָקאַליזירן און ליקווידירן דעם מצב. אַ סך האָבן אין דעם מיטגעהאָלפן דער אינטערנאַט און די קינדער־קיך.

באַזונדערס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די פאָלגנדע אויפטוען אין סמאָרגאָן:

א) געזעלשאַפטלעכע בנינים.

אַזוינע בנינים זיינען געווען זעקס. 1 בנין איז אויסגעבויט געוואָרן אויף די מיטלען פון „יעקאָפּאָ“, 1 בנין — אויף די מיטלען פון „יעקאָפּאָ“ און סמאָרגאָנער קהילה, 2 בנינים זיינען פולשטענדיק רעמאָנטירט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“ און 1 בנין איז אָפּגעדונגען געוואָרן ביי אַן אַרטיקן הויז־באַזיצער.

אין די אַלע בנינים האָבן פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ געפונען אַן אָפּרו בערך אַ 600 פּערזאָן.

די בנינים ווי אויך די אינעווייניקסטע איינריכטונגען זיינען געווען גאַנץ פּרימיטיוו. נאַרעס ביי די ווענט, טישן און בײנקלעך אין די מיטן צימערן. אַלץ איז אויסגערעכנט געוואָרן אויף צייטווייליקייט.

דער זעקסטער בנין איז די געוועזענע הרובע שעכט־הויז. זי איז גרינדלעך איבערגעמויערט און איינגעריכטעט געוואָרן ספּעציעל פאַר אַ מאַסן־וואוינונג.

די בנינים, וועלכע זיינען לכתחילה געווען אַ אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט, אַ געבאָט פון דער צייט, האָבן סוף כל סוף גענומען אַרויסוויזן זייערע נעגאַטיווע זייטן.

ערשטנס, די אומריינקייט. אין אַ מאַסן־וואוינונג פאַרלאָזט זיך איינער אויפן אַנדערן און דער פּועל־יוצא איז — שמוץ ביזן האַלדז און אַ פאַרפעסטעטע לופט. „יעקאָפּאָ“ האָט בעפּרובט מיטלען: באַשטימט משגיחים אויף דער ריינקייט, איינגעלאַדן אַ דאָקטאָר, אָבער עס האָט ליידער קיינע ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט.

אַנדערע רעעמיגראַנטן האָבן פאַרוואַנדלט דעם בנין אין אַ שטענדיקע וואוינונג, איינגעלעבט זיך מיט דער בלאָטע און ניט געוואָלט פאַרלאָזן איר. אַזוינע האָבן זיך געפילט אַלס פולשטענדיקע בעלי־בתים, פונאַנדערגעלייגט זייערע קלומיקעס, פונאַנדערגעפּעקלט זיך און געבערענט די טריט פון די איבעריקע שכנים. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע פאַרביטערונג, וואָס פלעגט דערגיין צו גרויסע מחלוקת.

און לסוף דער געמיינזאַמער לעבן פון פיל משפחות אין איין צימער, פרויען און מענער, האָט דעמאָראַליזירענד געווירקט אויף דער יוגנט און קינדער.

„יעקאָפּאָ״ האָט דעריבער תיכף אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז ווי נאָר די ערשטע שאַרפע נויט איז אַריבער, זאָל געמאַכט ווערן אַ סוף צו דעם דאָזיקן געצוואונגענעם מצב. ס׳זיינען אַסיגנירט געוואָרן גרעסערע סומעס געלט און די מאַסן־וואוינונגען זיינען ביסלעכווייז ליקווידירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: אַ טייל איינוואוינער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן באַדייטנדיקע הלוואות אויף צו בויען אָדער פאַרענדיקן זייערע אייגענע הייזער און אַ טייל זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר גרויסע דירה־געלט אין פּריוואַטע דירות.

ב) קינדער־אינטערנאַט. דער קינדער־אינטערנאַט איז געגרינדעט געוואָרן דעם 10 דעצעמבער 1922 און האָט עקסיסטירט ביז אַפּריל 1924. צוליב מאַנגל אין אַ פּאַסנדן לאָקאַל, האָט זיך דער אינטערנאַט די ערשטע צייט אַריינגעקליבן אין 7 פאַרשיידענע דירות, וועלכע האָבן זיך אָבער געפונען זייער נאָענט איינע פון דער אַנדערער: איין דירה האָט פאַרנומען דעם שלאָף־צימער, שפּייז־צימער, קיך און פּראָדוקטן־לאַגער: די צווייטע דירה—נאָך אַ שלאָף־צימער: די דריטע און פערטע—פאַרוויילונגס־צימערן און לייען־זאַל: פינפטע—איזאָלאַציע־אָרט פאַר קראַנקע קינדער: זעקסטע און זיבעטע—פאַרן פּערסאָנאַל. די אַלע דירות זיינען געוואָרן גוט איינגעריכטעט און צוגעפּאַסט פאַר זייער ציל.

דער קינדער־מאַטעריאַל אין צאָל פון 42 נפשות איז אויסגעקליבן געוואָרן פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן געלעבט אין די שווערסטע באַדינגונגען. אין געזעלשאַפטלעכע הייזער און קעלערן, אָפּגעשוואַכטע און פאַרפּעסטעטע.

די קינדער איז ניט ערלויבט געוואָרן די ערשטע צייט צו האָבן אַ מגע־ומשא מיט זייערע פאַמיליעס, ווי אויך צו באַזוכן די פאָלקס־שול, כדי ניט צו פאַרשלעפּן אינפעקציע־קראַנקהייטן אין אינטערנאַט.

אין דער זעלבער צייט איז אָבער געלייגט געוואָרן גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף זייער דערנערונג ווי אויך אויף דער מעדיצינישער הילף. דער שטאָט־דאָקטאָר פלעגט טעגלעך באַזוכן די קינדער. די קראַנקע אויף פאַוואוס און קרעץ זיינען איזאָלירט געוואָרן און פולשטענדיק אויסגעהיילט געוואָרן.

אין מאַי 1923 האָט זיך דער אינטערנאַט אַריינגעקליבן אין צווייגאָרנדיקן געמויערטן בנין, וועלכער איז צו דעם ציל ספּעציעל געבויט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ״.

דורך דעם, וואָס דער אינטערנאַט האָט געקראָגן איין גרויסן פּאַסנדן לאָקאַל, האָט מען געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן די צאָל קינדער ביז זעכציק, אַריינצוטראָגן רעפאָרמען אין דער אַרבעט און איבערגעבן זיך מער מיט דער דערציאונג פון די קינדער, וואָס ביי די פריערדיקע באַדינגונגען איז דאָס געווען ווייניק מעגלעך.

ס׳זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן רעגולערע פאָרלעזונגען און געשפּרעכן וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע און געשיכטע. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען יום־טובים און פאַרוויילונגען, אין וועלכע די קינדער פלעגן פּערזענלעך נעמען אַן אָנטייל. דאָס האָט געהאַט זייער אַ גוטע ווירקונג אויף די קינדער, בפרט, ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק זיינען דאָס געווען קינדער פאַרווילדעטע און פאַרגרעבטע.

מיטן וואוקס פון אינטערנאַט און מיט דער פאַרבעסערונג פון דעם פיזישן צושטאַנד פון די קינדער, זיינען אַלע קינדער פון שול־עלטער אַריבערגעגאַנגען אין דער אָרטיקער פאָלקס־שול. פאַר די עלטערע יינגלעך איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לער־וואַרשטאַט פון סטאָליעריי. פאַר די מיידלעך—אַ שניידעריי־וואַרשטאַט אין בנין פון אינטערנאַט.

די קינדער האָבן אָנטייל גענומען אין פירן די ווירטשאַפט, געאַרבעט אין קיך און וועשעריי ווי אויך געטאָן אַנדערע שוואַרצע אַרבעט.

דער קינדער־אינטערנאַט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַלע הינזיכטן אויף דעם מאָדערנסטן אופן און געווען אַ מוסטער פון אַן אינטערנאַט אין אַ גרעסערע שטאָט. די קינדער זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַ היימישער סביבה און באַוואָרנט געוואָרן אין דער פולסטער מאָס.

ג) קינדער־קיך. איינצייטיק מיטן אינטערנאַט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ דערנערונגס־פּונקט פאַר 160 קינדער, ד. ה. פאַר די איבעריקע קראַנקע, שוואַכע און אָרימע סמאָרגאָנער קינדער, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אַריינגענומען ווערן אין אינטערנאַט.

די קינדער פלעגן דאָרט באַקומען אַ וואַרעם מיטאָג, וואָס איז באַשטאַנען פון 1 פונט ברויט, אַ חלק פלייש, זופּ און קאַשע. די קינדער זיינען אויך אויסגעקליידט געוואָרן ניט ערגער פון די אינטערנאַט־קינדער.

די קיך־קינדער האָבן זיך געפונען אונטער דער השגחה פון פאַרוואַלטער פון אינטערנאַט. די עלטערע פון זיי זיינען

צוגעצויגן געוואָרן צו די פאַרלעזונגען און פאַרוויילונגען. עס איז געלייגט געוואָרן גרויס אַכט אויף דעם געזונט־צושטאַנד, ווי אויך אויף די ריינקייט פון די קינדער.

ד) פאַך־שול. אין אַפּריל 1923 האָט „יעקאָפּאָ״ געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער געזעלשאַפט „אָרט״ וועגן עפענען אַ סטאָליעריי־וואַרשטאַט פאַר די רעעמיגראַנטן־קינדער אין סמאָרגאָן. לויטן אָפּמאַך האָט דער וואַרשטאַט 1) געדאַרפט עקסיסטירן פון אָנדערטהאַלבן ביז 2 יאָר צייט בהסכם מיט דער פעולה פון דער אַרבעט, 2) די געזעלשאַפט „אָרט״ דאַרף טראָגן די אחריות פאַר אים און ערפילן די ווירטשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע התחייבותן ביזן אַרויסלאָז פון די שילער. 3) „יעקאָפּאָ״ דעקט דעם ביודזשעט פון ערשטן יאָר אין גרויס פון 75 פּראָצ.

„יעקאָפּאָ״ האָט חוץ דעם איבערגעגעבן אין רשות פון דער פאַך־שול דעם אייגענעם הילצערנעם בנין און רעמאָנטירט אים ספּעציעל צו דעם צוועק אויפן אייגענעם חשבון. דער וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אין דעם בנין אין משך פון דער צייט, וואָס עס האָט עקסיסטירט דער אינטערנאַט. ווי דער אינטערנאַט איז ליקווידירט געוואָרן, האָט זיך די פאַך־שול אַריינגעצויגן אין געמויערטן בנין פון אינטערנאַט און פאַרנומען דעם גאַנצן אונטערשטן שטאָק.

דער וואַרשטאַט האָט עקסיסטירט פון מאַי 1923 ביז דעם 31 דעצעמבער 1924.

פאַר דער צייט האָבן זיך דאָרט אויסגעלערנט סטאָליעריי 35 שילער. די לימודים פלעגן פאָרקומען אין משך פון 7 שעה טעגלעך. דעם ערשטן יאָר זיינען אויך פאָרגעקומען 2 שעה אין טאָג אַלגעמיינע לימודים.

4 שילער האָבן זיך אין דער אַרבעט אַזוי גוט אויסגעצייכנט, אַז נאָך פאַרן טערמין זיינען זיי אָנגעקומען אויף שכירות צו פּריוואַטע בעלי־מלאכות. אייניקע זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי דעם פאַך. די איבעריקע האָבן אויך אויסזיכטן איינצואָרדנען זיך ביי דער מלאכה.

ה) פאָלקס־שול. „יעקאָפּאָ״ האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער אָרטיקער פאָלקס־שול, וועלכע האָט זיך געפונען אין בית־מדרש אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד.

ראשית איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער פאָלקס־שול אַ בנין פון די געזעלשאַפטלעכע הייזער, וועלכער איז דורך „יעקאָפּאָ״ ספּעציעל אויף דעם צוועק רעמאָנטירט געוואָרן. חוץ דעם איז אַסיגנירט געוואָרן אַ סומע געלט אויף די

אינעווייניקסטע איינריכטונגען, ווי שול־ביינק און מכשירים.

דער ביודזשעט פון דער פאָלקס־שול, וואָס איז געווען אַ באַדייטנדער, איז כמעט אויף 75 פּראָצענט געדעקט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“. די אָרימע קינדער, פאַר וועלכע „יעקאָפּאָ“ האָט געצאָלט שכר־לימוד, זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט לער־ביכער און העפטן.

מיטן ליקווידירן דעם אינטערנאַט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער פאָלקס־שול דער אויבערשטער עטאַזש פון בנין.

די טיכטיקסטע מיטאַרבעטער אין סמאָרגאָנער הילפס־קאָמיטעט זיינען געווען דער פאַרזיצער ה׳ יעקב פּערעוואָזקי און דער סעקרעטאַר ה׳ גרשון ווײַנשטיין.

דער פאַרוואַלטער פון אינטערנאַט איז געווען דער לערער ה׳ טומאַנסקי.

—

סמאָרגאָן איז געווען אַ באַדייטנדער פּונקט אין אונזער ראַיאָן, וואו עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן זייער אַ גרויסע אַרבעט. ער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט ניט נאָר פון די מיטאַרבעטער פון „יעקאָפּאָ“, וועלכע פלעגן סמאָרגאָן זייער אָפט באַזוכן, נאָר אויך פון די אָנפירער פון יק״א און ד. ד. ק., ווי די ה״ה מאַירסאָן, גאָלדע (יק״א), בערנאַרד כהן (הויפּט־דירעקטאָר פון ד. ד. ק.), פרוינד (אויסבוי־אָפּטיילונג פון ד. ד. ק.), שווייצער, גיטערמאַן, ווערניק (היימלאָזע־אָפּטיילונג פון ד. ד. ק.) און אַנדערע.

סמאָרגאָנער רעפּאַטריאַנטן־קינדער.

ז.

גירוש.

מיר מיינען דאָ די גזירה, אַז אַלע פּערזאָנען, אומלעגאַל־געקומענע נאָכן 12 אָקטאָבער 1920, מוזן פאַרלאָזן פּוילן.

די פאַראָרדענונג האָט אַריינגעטראָגן אַ צורודערונג אין הונדערטער פאַמיליעס און ווידער איז „יעקאָפּאָ“ געוואָרן אַן אַרענע פאַר פאַרשיידענע דערשיינונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן לעבן פון די אינגיכן צוקינפטיקע היימלאָזע. דער יורידישער אַפּאַראַט האָט ווידער גענומען קלאַפּן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שאלות ותשובות, אָנווייזונגען, רעגיסטראַציעס וכדומה.

דער גירוש איז דורכגעפירט געוואָרן מיטן גאַנצן חומר הדין. האָט איינער זיך ניט אונטערגעוואָרפן דער פאַראָרדענונג מיט גוטן—פלעגט מען אים פאַרהאַלטן און אַרויסשיקן קיין רוסלאַנד, ליטע א. א. מיט צוואַנג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם זיינען דורך „יעקאָפּאָ“ אָנגענומען געוואָרן אַלע מעגליכע שריט צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון די פאַרהאַלטענע, באַפרייען די אומגעזעצליך אַרעסטירטע און אָפּהאַלטן פון אַרויסשיקן די עמיגראַנטן, וועלכע האָבן אַ מעגליכקייט אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

ס׳זיינען דערלאַנגט געוואָרן אין דער ווילנער דעלעגאַטור פאַרשיידענע מעמאָראַנדומס און ס׳זיינען דערוועקט געוואָרן פּערזענליכע השתדלותן דורך די מיטגלידער פון קאָמיטעט. מען האָט זיך פאַרבונדן מיט די יידישע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין וואַרשע, ווי: נאַציאָנאַל־ראַט און אוקראַינער קאָמיטעט, וועלכע האָבן זייער אַ סך אויסגעטאָן פאַר די מגורשים.

אַלס רעזולטאַט האָבן זיך באַקומען פאַרשיידענע הנחות פאַר די מגורשים און פאַרלייכטערונגען פאַר די עמיגראַנטן, ווי ס׳איז שוין געשריבן וועגן דעם גענויער אין יורידישן באַריכט. דאָ ווילן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אויף דער הילפס־אַקציע פאַר די אַרויסגעשיקטע:

1. תמיכה.

די תמיכה, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט אַרויסגעגעבן די אַרויסגעשיקטע, האָט זיך אויסגעדריקט אין געלט, קליידונג און דערנערונג.

די אַלע פּערזאָנען, וועלכע זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין די אַרעסט־הייזער ביז מען האָט זיי אַרויסגעשיקט פון פּוילן, זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט שפּייז. עס האָט זיך באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער העכערער מאַכט צוצולאָזן מיט עסן די פאַרשטייער פון „יעקאָפּאָ“ אין אַלע ערטער, אַריינרעכענענדיק די תפיסות, וואו עס האַלטן זיך אויף די מגורשים.

ביים אַרויסשיקן פלעגן די אַלע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען מער נויטבאַדערפטיק, באַקומען זאַכן, וועש און אָפט אויך שיך.

חוץ דעם פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן דורך „יעקאָפּאָ“ אַ גרעסערע פאַר יענער צייט סומע געלט, בערך 5—7 דאָלאַר אויף אַ נפש.

איינצייטיק איז אויך געגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג אין די אָפּטיילונגען פון „יעקאָפּאָ“, אַז אַלע מגורשים זאָלן באַזאָרגט ווערן מיט דערנערונג, קליידונג און בערך 5 דאָלאַר אויף אַ פּערזאָן. די געלט־שטיצע אויף רעעוואַקואַציע איז געוואָרן מעגלעך צו געבן דאַנק דעם אָפּמאַך פון 25 מאַי 1923 מיטן פאַרשטייער פון יק״א ה׳ ש. יאַנאָווסקי, וועלכער האָט באַזוכט ווילנע און האָט זיך דאָ גרינטליך באַקאַנט מיט דער לאַגע און מיט דער אַרבעט פון „יעקאָפּאָ“.

2. עמיגראַנטן.

די חלוצים־היימלאָזע, ווי אויך די עמיגראַנטן קיין אַרגענטינע, האָבן זיך ניט פאַרלאָזן אויף גליקן—ערנסט געטראַכט וועגן אויסלענדישע פּעסער און גענומען קלייבן זיך אין וועג אַריין. איין מניעה איז אָבער געווען—געלט אויף הוצאות־הדרך.

לויט דעם אויבן־אָנגערופענעם אָפּמאַך מיט יק״א האָט זיך אויך באַקומען אַ מעגליכקייט אַרויסצוהעלפן אין דער דאָזיקער הינזיכט: „יעקאָפּאָ“ פלעגט אַרויסגעבן די עמיגראַנטן באַטרעפנדע בריוו צו יק״א אין וואַרשע, וועלכע פלעגט באַפרידיקן זייערע בקשות. די חלוצים האָט „יעקאָפּאָ“ באַזאָרגט מיט אַ געהעריקער סומע אויף הוצאות אין ווילנע גופא.

3. באַנייטע אָפּטיילונגען.

נאָך מיט אַ צייט פריער, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאַקטישע אַרויסשיקונג, איז דורך „יעקאָפּאָ“ אויסגעאַר-

בעט געוואָרן אַ גענויער פּלאַן פֿון עפֿענען פֿון דאָס ניי די אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען שוין פֿאַרמאַכט געוואָרן, כדי צו באַזאָרגן מיט שפּייז און געלט-שטיצע די דורכגייענדע טראַנספּאָרטן אַרויסגעשיקטע, ווי אויך אָרגאַניזירן נייע אָפּטיילונגען, אויב מען וועט זיך נויטיקן אין דעם.

היות ווי דער מאַרשרוט איז געווען מאָלאָדעטשנע—ראַדאָשקאָוויטש איז פֿאַרלויפֿיג באַנייט געוואָרן די טעטיקייט פֿון די אָפּטיילונגען אין די ביידע פּונקטן. שפּעטער איז צוגעקומען אַ דריטע אָפּטיילונג אין גלובאָקע, פֿאַר די מאַסן אַרויסגעשיקטע אין שטאָט און סביבה.

די אָפּטיילונגען אין מאָלאָדעטשנע און גלובאָקע האָבן זיך פֿאַרנומען אויסשליסלעך מיט תּמיכה. דאַקעגן אין ראַדאָשקאָוויטש איז אויסגעקומען אָפּצוגעבן זיך מיט דעם ענין פֿון באַזאָרגן מיט פֿורן צו דער גרעניץ און צוריק פֿון גרעניץ. די ערשטע טראַנספּאָרטן זיינען ניט צוגענומען געוואָרן פֿון דער סאָוועטישער מאַכט און דעריבער זיינען זיי אָפּגעשיקט געוואָרן צוריק קיין מאָלאָדעטשנע אין קאָנצענטראַציע-פּונקט.

4. באַפֿולמעכטיקטע.

כדי צו האָבן אַ קלאָרן בילד וועגן דער לאַגע פֿון די אַרויסגעשיקטע האָט „יעקאָפּאָ“ דעלעגירט אַ ספּעציעלן באַפֿולמעכטיקטן קיין מאָלאָדעטשנע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מגורשים, וועלכע מען פֿלעגט, אגב, דאָרט אָפּהאַלטן אַ קורצע צייט ביז אַוועקשיקן קיין ראַדאָשקאָוויטש, האָבן שטאַרק געליטן. מען האָט זיי באַהאַנדלט ווי אַרעסטאַנטן און ניט צוגעלאָזן צו זיי אפֿילו קיין עסן.

„יעקאָפּאָ“ האָט זיך וועגן דעם געווענדעט אין דעלעגאַטור. די לעצטע האָט טעלעגראַפֿיש פֿאַראָרדנט צוצולאָזן די פֿאַרשטייער פֿון „יעקאָפּאָ“ מיט עסן, ווי אויך לינדערן די באַציאונגען.

אַ צווייטן מאָל איז דעלעגירט געוואָרן אַ באַפֿולמעכטיקטער קיין גלובאָקע, פֿון וואַנען עס האָבן זיך באַקומענע ידיעות וועגן פֿאַרשיידענע שיקאַנעס. דער באַפֿולמעכטיקטער האָט צוזאַמען מיטן אָרטיקן רב אינטערווענירט ביים סטאַראָסטע, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו ערליידיקן לטובה אַלע מיספֿאַרשטייענישן.

דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון „יעקאָפּאָ“ איז אויך בייגעווען אויפֿן וואָקזאַל בשעתן אָפּפֿאָר פֿון די פּערזאָנען, פֿאַר וועלכע „יעקאָפּאָ“ האָט אויסגעפֿועלט דורך דעם אוקראַינער קאָמיטעט אין וואַרשע ערלויבענישן אָפּצופֿאָרן לעגאַל קיין רוסלאַנד.

ח.

אָקטאָבער 1923 — דעצעמבער 1924.

די צייט קען כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס ליקווידאַציע-תּקופֿה — אַלס סיום פֿון דער היימלאָזע-אַרבעט.

די רעפּאַטריאַציע האָט זיך פֿאַרענדיקט. די עמיגראַנטן האָט זיך איינגעגעבן נאָך לאַנגע מאַטערנישן אָפּצופֿאָרן פֿון פּוילן ווייטער אין די לענדער, צו וועלכע זיי האָבן געשטרעבט. די היימלאָזע זיינען אָדער פֿרייוויליג אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּוילן אָדער זיינען מיט צוואַנג אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון לאַנד. די רעגירונגס-אַנשטאַלטן אין די גרעניץ-ערטער, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן אויפֿנעמען די צוריקוואַנדערער, האָבן זיך ליקווידירט.

ביי אַזאַ לאַגע האָט זיך דער היימלאָזע-רעפּאַרטאַמענט פֿון ד. ד. ק. צוריקגעצויגן פֿון דער אַרבעט און אויך „יעקאָפּאָ“ האָט, נאַטירליך, פֿאַרקירצט איר טעטיקייט, אויף דעם געביט.

„יעקאָפּאָ“ האָט דעריבער בטל געמאַכט אַלע אירע פּראָווינציעלע היימלאָזע-ביוראָען, איבערגעבנדיק די אַרבעט די קהילות און קאָמיטעטן — און איז געבליבן נאָר ביי איר צענטראַלער היימלאָזע-אָפּטיילונג.

אין משך פֿון דער צייט זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט געלט-שטיצע, הלוואות אויף איינצואָרדענען זיך, יורידישע-הילף, מעדיצינישע-הילף, קליידונג און וועש אַלע היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געווענדעט נאָך דעם אין „יעקאָפּאָ“.

פֿיל איז אויסגעקומען אָפּצוגעבן זיך מיט די מגורשים פֿון ליטע — אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז איצט.

עס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פֿולשטענדיק דער אינטערנאַט אין סמאָרגאָן. עס זיינען אויך פּאָזיטיוו דערליידיקט געוואָרן די בקשות פֿון די חלוצים.

דעם 7 מערץ 1923 איז דורך „יעקאָפּאָ“ צוגעשטעלט געוואָרן אין ד. ד. ק. אַ גרינדלעכער ליקווידאַציע-פּראָיעקט. אין וועלכן עס זיינען פֿאָראויסגעזען געוואָרן די אויבנדערמאָנטע פּאָזיציעס. די אָנפֿירער פֿון ד. ד. ק. אין פּוילן און באַזונדערס ה' בערנאַרד כהן — דער דירעקטאָר אין אייראָפּע — האָבן זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צום עצם געדאַנק און באַפֿרידיקט אין דעם גרעסטן טייל די בקשה.

* * *

מיר האַלטן זיך דאָ אָפּ פֿון געבן אַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פֿון דער געשילדערטער טעטיקייט פֿון „יעקאָפּאָ“. זאָלן דאָס טאָן אַנדערע, דער עיקר די טויזנטער רעעמיגראַנטן אין די געוועזענע חרובֿע שטעטלאַך. מיר האָבן נאָר איבערגעגעבן וועגן דער עצם אַרבעט.

ס'דאַרף, אָבער, באַטאָנט ווערן, אַז „יעקאָפּאָ“ האָט געלייגט אַלץ מער און מער געוויכט אויף דער קאָנסטרוקטיווער זייט פֿון דער הילפֿס-אַקציע און דאָס האָט זיך אויך איינגעגעבן.

מיט 10 יאָר צוריק האָט „יעקאָפּאָ“ באַגלייט די היימלאָזע אין ווייטן, שווערן וועג אַריין. אַלץ האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט אַרום דער תּמיכה — אויפֿהאַלטן און דערהאַלטן ביים לעבן. דיזעלבע „יעקאָפּאָ“, נאָר געבויט אויף אַנדערע געזעלשאַפֿטליכע יסודות, נעמט אויף אין צען יאָר אַרום דיזעלבע היימלאָזע צוריק און פֿילט זיך גליקלעך, וואָס זי קען ווידמען אירע מיטלען און מעגלעכקייטן אויף אַ מער פּראָדוקטיוון אופֿן — העלפֿן שאַפֿן אַ מענשלעכע לעבנס-עקזיסטענץ פֿאַר צענדליקער טויזנטער רעפּאַטריאַנטן.

סטאטיסטישע ידיעות וועגן די היימלאזע און רעפאטריאנטן, וועלכע האבן באקומען שטיצע פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“, פאר די יארן 1919—1924.

טאבעלע № 1

אלגעמיינע צאל רעפאטריאנטן און היימלאזע.

יארן	ס"ה פערזאן	
1919—1921	18549	
1922	8759	
1923	2396	
1924	164	
	29868	
רעגיסטרירט אין די יארן 1923—24 אן גענויערע סטאטיסטישע ידיעות . . .	902	
כס"ה האבן באקומען הילף אין „יעקאפא“ פאר די 6 יאר	30770	היימלאזע און רעפאטריאנטן

טאבעלע № 2

די פראצענטועלע פארהעלטעניש פון דער אלגעמיינער צאל היימלאזע און רעפאטריאנטן לויט דער באשעפטיגונג.

		צאל	%
1	האנטווערקער, ארבעטער און אנגעשטעלטע.	5452	17.7
2	הענדלער און קרעמער . . .	1576	5.1
3	פרייע פראפעסיעס	1203	3.9
4	לערן-יוגנט	1000	3.25
5	אן באשטימטע פראפעסיעס . .	12276	39.9
6	קינדער	8361	27.2
7	ניט אנגעגעבן זייער באשעפטיגונג .	902	2.95
	ס"ה . .	30770	100

טאבעלע № 3

צאל רעפאטריאנטן און היימלאזע באזונדער.

יאר 1922

№	חדשים	צאל היימלאזע	צאל רעפאטריאנטן	ס"ה
1	מערץ . . .	181	585	766
2	אפריל . . .	231	490	721
3	מאי . . .	150	909	1059
4	יוני . . .	158	768	926
5	יולי . . .	181	763	944
6	אויגוסט . . .	131	679	810
7	סעפטעמבער . .	140	834	974
8	אקטאבער . .	93	366	459
9	נאוועמבער . .	108	470	578
10	דעצעמבער . .	117	423	540
	ס"ה .	1490	6287	7777
	%	19,1	80,9	100

יאר 1923

№№	חדשים	צאל היימלאזע	צאל רעפאטריאנטן	ס"ה
1	יאנואר . . .	109	295	404
2	פעברואר. . .	24	183	207
3	מערץ . . .	55	204	259
4	אפריל . . .	81	241	322
5	מאי . . .	—	225	225
6	יוני . . .	—	240	240
7	יולי . . .	—	188	188
	ס"ה .	269	1576	1845
	%	14,6	85.4	100
	בסך-הכל אין 17 חדשים פון די יארן 1922—1923	1759	7863	9622
	%	18,3	81,7	100

באמערקונג: אין די אנגערופענע 17 חדשים פון די יארן 1922—1923 איז געפירט געווארן א ספעציעלע סטאטיסטיק פון די היימלאזע באזונדער און פון די רעפאטריאנטן באזונדער.

טאבעלע № 4

פראפעסיאנעלער באשטאנד פון די היימלאזע און רעפאטריאנטן.

יארן	האנטווערקער ארבעטער אנגעשטעלטע	הענדלער און קרעמער	פרייע פראפעסיעס	לערן-יוגנט	סך-הכל	אן באשטימטע פראפ., פרויען און אלטע לייט	קינדער	ניט אנגעגעבן זייער באשעפטיגונג	ס"הכל	אלגעמיינער ס"הכל
1919—1921	3319	919	678	395	5311	8506	4732		13238	18549
1922	1705	577	328	456	3066	2860	2833		5693	8759
1923	392	74	186	136	788	862	746	902	1608	2396
1924	36	6	11	13	66	48	50		1000	1066
סך-הכל	5452	1576	1203	1000	9231	12276	8361	902	21539	30770

טאַבעלע № 5

די פּראָצענטועלע פאַרהעלטעניש פון די באַשעפטיגונגען פון די היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן.

פּראָפעסיע	צאָל	%
האַנטווערקער, אַרבעטער און אַנגעשטעלטע	5452	59.1
הענדלער און קרעמער	1576	17.1
פרייע פּראָפעסיעס	1203	13
לערן־יונגס	1000	10.8
ס״ה . .	9231	100

טאַבעלע № 7

איינאָרדענונגס־הלוואות פאַר רעפּאַטריאַנטן.

אַוג. 1921—סעפּט. 1923

I. אַרויסגעגעבן הלוואות דורך „יעקאָפּאַ“ פון דעם

פאָנד	משפּחות	נפשות
ד. ה. ק.	707	3063
לאָנדאָנער אוקר. קאָמ.	477	1964
אייגען. זאַמל.	58	183
ס״ה	1242	5210

II. באַשעפטיגונג פון די רעפּאַטריאַנטן, וועמען ס׳זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די הלוואות

קליינע סוחרים, הענדלער און קרעמער	568	משפּחות
האַנטווערקער, אַרבעטער און אַנגעשטעלטע	492	„
פרייע פּראָפעסיעס .	126	„
אומבאַשטימטע . .	56	„
ס״ה	1242	משפּחות

טאַבעלע № 8

מגורשים

יאָר 1923

I. אַרויסגעגעבן הילף דורך „יעקאָפּאַ“ פון דעם

פאָנד	משפּחות	נפשות
יק״אַ	65	155
ד. ק. ק.	81	158
ס״ה	146	313

II. באַשעפטיגונג

האַנטוו. אַרב. און אַנגעשט.	42	
סוחרים און הענדלער	25	
פרייע פּראָפעסיעס	48	
שילער	31	146
אָן פּראָפעסיע . .	34	
פרויען און קינדער	133	167
סך־הכל .		313

III. די מגורשים זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ווילנע און ווילנער געגנט און זיינען אַרויסגעפאָרן קיין:

1. אוקראַינע	53	משפּחות
2. ווייסרוסלאַנד	36	„
3. רוסלאַנד	18	„
4. אַרגענטינע	17	„
5. ליטע	9	„
6. ארץ־ישראל	8	„
7. לעטלאַנד	5	„
סך־הכל	146	משפּחות

טאַבעלע № 6

געשלעכט פון די היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן.

	1919-1921	1922	1923	1924	ס״ה	%
מענער	7244	2961	879	58	11142	37.3
פרויען	6573	2965	771	56	10365	34.7
קינדער	4732	2833	746	50	8361	28
ס״ה	18549	8759	2396	164	29868	100

באַמערקונג: אין דער טאַבעלע גייען ניט אַריין די 902 פּערזאָן, וועגן וועלכע עס זיינען ניטאָ קיינע גענויערע ידיעות.

טאַבעלע № 9

אַרויסגעגעבענע זאַכן און פּראָדוקטן פאַר היימלאָזע, רעפּאַטריאַנטן (און מלחמה־יתומים).

יאָרן 1919—1924

וועש	1	העמדער . . .	11803	
	2	אונטערהויזן . .	12563	
	3	קאַפּטלען און כאַלאַטן	1995	
	4	קינדער־וועש . .	6490	
	5	קאָלנערס . . .	1358	
	6	ליילעכער . . .	2366	
	7	כאַלאַטן . . .	1864	
	8	ציכלעך, איינגש. און טעניק.	2158	
	9	זאָקן, פּאָר . . .	15843	
	10	פאַרשיידענע אַנדר. מינים	9888	66.328 שט. וועש
בגדים	11	מענער־קאָסטיומען .	3329	
	12	פרויען־קאָסטיומען .	2301	
	13	קינדער־קאָסטיומען .	5649	
	14	מענער־מאַנטלען . .	1855	
	15	פרויען־מאַנטלען .	1484	
	16	קינדער־מאַנטלען .	1791	
	17	רעקלעך און בלוזן .	1199	
	18	קורטקעס . . .	805	
	19	הויזן	1364	
	20	פאַרשיידענע אַנדר. מינים	974	20.751 בגדים
שיך	21	פעלענע	15438	
	22	הילצערנע . . .	2941	18.379 פּאָר שיך
פּראָדוקטן	23	מעל	—	1586 זעק
	24	פלייש	—	299 פעסער
	25	ביסקוויטס . . .	—	1078 קעסטלעך
	26	קאָנדענסירטע מילך .	—	19731 פּושקעס
	27	רייז	—	$176^{\underline{20}}$ פּוד
	28	בעבלעך	—	$85^{\underline{32}}$ פּוד
	29	אייל	—	$561^{\underline{20}}$ פּוד
	30	זייף	—	$311^{\underline{30}}$ פּוד

פ. אַנטאָוויל

עמיגראַציע

דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט.

די עמיגראַציע-אַרבעט פון „יעקאָפּאָ" האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1920, איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער „היאַס" אין פּוילן. די עמיגראַציע-נויט, ווי אויך די מעגליכקייטן פאַר צענדליקער טויזנטער אַריינצודרינגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און טיילווייז אין אַנדערע לענדער, די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, וועלכע פלעגן קומען קיין פּוילן, כדי פון דאַנען צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע און באַקומען פון זיי „אַפידעווויטן" מיט געלט אויף צו פאָרן צו זיי,—דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון „יעקאָפּאָ", וועלכע האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אָרגאַניזירט אַ פאַרצווייגטע הילפס-אַרבייט פאַר היימלאָזע בכלל און האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיטן שווערן גורל פון יידישן עמיגראַנט. אויף אַזאַ אופן איז „יעקאָפּאָ" געוואָרן די ערשטע אין פּוילן געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז עוסק אויפן געביט פון עמיגראַציע.

ווען שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט אין פּוילן דער „היאַס", האָט זיך „יעקאָפּאָ" גלייך פאַרבונדן מיט אים און אויף אַזאַ אופן האָט דער לעצטער ניט געעפנט אין ווילנע קיין זעלבסטשטענדיקע אָפּטיילונג, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין גאַנץ פּוילן, און האָט איבערגעגעבן די גאַנצע אַרבעט דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" פאַר דער שטאָט ווילנע און ווילנער געגנט.

די עמיגראַציע איז תמיד געווען קאָמפּליצירט און פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן און פאָרמאַליטעטן. אָבער אין די לעצטע יאָרן איז זי געוואָרן נאָך קאָמפּליצירטער און וואָס ווייטער זיינען אַלץ געוואַקסן די פאָרמאַליטעטן און אַלץ גרעסער זיינען געוואָרן די שוועריקייטן. דער עמיגראַנט איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין אַ נעץ פון פאַראָרדענונגען, תקנות און ענינים און האָט אָן אַ געזעלשאַפטליכער הילף ניט געקאָנט אויסקומען.

פון דער אַנדער זייט האָט די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע נאָך דער מלחמה גורם געווען דערצו, אַז די עמיגראַציע זאָל ווערן איינער פון די גרעסטע רעגוליאַטאָרן פון אונזער עקאָנאָמישן לעבן. זי האָט זיך אָבער געפונען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. דערהויפּט איז די עמיגראַציע-באַוועגונג געווען גרויס אין דער ריכטונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע און טיילווייז קיין אַרגענטינע. ערשט שפּעטער, ווען די באַגרענעצונגען אויף איינצוּוואַנדערן זיינען געוואָרן גרויס און דער עיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען אין דער עמיגראַציע-טעטיקייט אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אַנדערע לענדער, וועלכע פלעגן דורך די עמיגראַנטן אויסגענוצט ווערן אַלס טראַנזיט-פונקטן, ווי קובע, מעקסיקע א. א.

ווען „היאַס" איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דעם כאַאָטישן צושטאַנד, וועלכער האָט געהערשט אין דער עמיגראַציע, האָט אַרום דעם עמיגראַנט געשווירבלט און געגריבלט מיט הונדערטער אַגענטן און זייער אָפט אויך מיט „דעלעגאַטן", אַראָפּגעקומענע פון אַמעריקע, און פאַרשיידענע אַנדערע מאַכערס, וועלכע פלעגן אויף יעדן שריט באַשווינדלען דעם עמיגראַנט.

אויפן חשבון פון דער עמיגראַציע און די הילפס-געלטער האָבן אויך שטאַרק ספּעקולירט פאַרשיידענע פּריוואַטע בענק, וועלכע פלעגן אויסצאָלן די עמיגראַנטן די קרובים-געלטער מיט גרויסע פאַרשפּעטיקונגען אין מאַרקן, בעת יעדער טאָג פלעגט, צוליב דער אַנטווערטונג פון מאַרק, מאַכן אַלץ מער צונישט די דאָלאַרן, וואָס די עמיגראַנטן האָבן געזאָלט באַקומען. גלייכצייטיק האָבן געאַרבעט פאַרשיידענע „פאַרזאָרגערס", וועלכע פלעגן פאַרשפּרייטן צווישן דעם לייכטזיניקן עמיגראַנטן-עולם פאַלשע אינפאָרמאַציעס.

„היאַס" האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַקעמפן דעם דאָזיקן געפערליכן מצב און צו קאָנצענטרירן דעם גאַנצן וואַנדערונגס-שטראָם אין זיינע הענט. די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" האָט אין פאַרבינדונג מיט „היאַס" אויסגעאַרבעט פאָלגנדן פּלאַן פון דער אַרבעט:

1) רעגיסטרירן אַלע עמיגראַנטן, ווי אויך די, וועלכע באַקומען, אָדער ווילן באַקומען שטיצע פון זייערע קרובים אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

2) פאַרבינדן די עמיגראַנטן מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע און אויך העלפן אויסזוכן קרובים.

3) אָרגאַניזירן אינפאָרמאַטיווע אָפּטיילונגען וועגן די רייזע-מעגליכקייטן אין פאַרשיידענע לענדער.

4) יורידישע הילף.

5) אינטערווענצן אין פאַרשיידענע קאָנסולאַטן.

6) השגחה אויף די שיפס-געזעלשאַפטן.

7) געלט-זענדונגען.

די אַרבעט האָט גלייך געגעבן גוטע רעזולטאַטן, באַזונדערס אין אונזער געגנט, וועלכע איז געווען דאַנק „יעקאָפּאָ" מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירט אין דער פאָרם פון קהלות, קאָמיטעטן א. א. דורך זיי איז איינגעלעך דורכגעפירט געוואָרן די גאַנצע רעגיסטראַציע און פאַרבינדונג מיט די קרובים הן פון עמיגראַנטן, והן בכלל פון די פּערזאָנען, וואָס ווענדן זיך נאָך געלט-שטיצע. אין די גרעסערע פונקטן זיינען ביי די קהלות אָדער קאָמיטעטן געווען טעטיג ספּעציעלע עמיגראַציע-סעקרעטאַריאַטן. וואו ס'פלעגן אויך אַרויסגעגעבן ווערן פאַרשיידענע אינפאָרמאַציעס וועגן עמיגראַציע-ענינים און יורידישע אָנגעלעגנהייטן. די סעקרעטאַריאַטן פלעגן אויך באַדינען די קלענערע פונקטן פון זייער ראַיאָן.

„יעקאָפּאָ" אין ווילנע האָט זיך געפונען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די פּראָווינציעלע סעקרעטאַריאַטן און האָט זיי בסדר אינפאָרמירט וועגן אַלע נייע געזעצן און ענדערונגען אין די עמיגראַציע-תקנות און האָט אויך אינסטרואירט זייער גאַנצע טעטיקייט בכלל.

רעגיסטראַציעס.

אין דער באַריכט-צייט האָט די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" רעגיסטרירט אין ווילנע און אין דער פּראָווינץ און דורך דעם פאַרבונדן מיט זייערע קרובים 10326 משפּחות-פּעטענטן. יעדער רעגיסטרירטער ראש המשפּחה האָט געהאַט זיין „קיים"-נומער, לויט וועלכן ער פלעגט שפּעטער קענען באַקומען די דערהאַלטענע פאַר אים געלט, אַפידעווויטן, בריוו א. א. וו. פון די 10326 משפּחות-פּעטענטן זיינען אויף דער פּראָווינץ דורך אונזערע סעקרעטאַריאַטן אָדער אינסטרוקטאָרן רעגיסטרירט געוואָרן אויף די ערטער 3324 משפּחות לויט דער פאָלגנדער טאַבעלע:

שטאָט	משפּחות
גלובאָקע און געגנט . . .	494
לידע	465
מאָלאָדעטשנאָ	341
ראַקאָוו	135
ראַדאָשקאָוויטש	120
טראָק	214
ווילייקע	189
ניי-סווענציאַן	161
סווענציאַן	230
אָשמענע	115
וואָלאָזשין	135
דונילאָוויטש	45
ווידז	65
בראַסלאַוו	85
דאָקשיץ	120
סמאָרגאָן	145
פּאָרבראָדז	30
פאַרשיידענע אַנדערע פונקטן .	235
בסך-הכל —	3324

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

אויסער דעם זיינען פיל פּראָווינציעלע רעגיסטרירט געוואָרן אין ווילנע, איידער די פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן. אויך שפּעטער פלעגן די פּראָווינציעלע זייער אָפט רעגיסטרירט ווערן אין ווילנע, אויב דער עמיגראַנט פלעגט זיך פריער ווענדן קיין ווילנע, אָדער בעת ער פלעגט באַקומען אין ווילנער ביוראָ געלט, צוגעשיקטע פון די קרובים. אויף אַזאַ אופן ווייזט די אַלגעמיינע סטאַטיסטיק, אַז ביז 60 פּראָצ. זיינען רעגיסטרירט פון געגנט און 40 פּראָצ. פון שטאָט.

די ציפער פון דער רעגיסטראַציע זאָגן שוין אַליין עדות מיט וואָס פאַר אַ צוטרוי דער עמיגראַנט האָט זיך אָנגעהויבן צו באַציִען צו דעם געזעלשאַפטליכן אופן פון אונזער אַרבעט. ער פלעגט קומען צו אונז מיט אַלע זיינע קלאָגן און וועגן אַלע מעגלעכע אינפאָרמאַציעס. ער האָט זיך צוגעוויינט צו ווענדן זיך צו אונז אויך אין יענע פאַלן, ווען אַ געוויסע שיפס-געזעלשאַפט אָדער אַ פאַרזאָרגער פלעגן אים פריער אינפאָרמירן. דער עמיגראַנט פלעגט אין גרעסטן טייל פאַלן קומען די דאָזיקע ידיעות דורכקאָנטראָלירן צו אונז.

אַפּידעוויטן, בריוו און דעפּעשן.

אין דער באַריכט-צייט האָט אונזער עמיגראַציע-אָפּטיילונג באַקומען 2068 אַפּידעוויטן פאַר עמיגראַנטן אין ווילנע און געגנט, דערביי זיינען אין די גרעסערע פּראָווינציעלע פונקטן די אַפּידעוויטן אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אונזערע אָרטיקע סעקרעטאַריאַטן אָדער קאָמיטעטן.

פאַר די 5 יאָר טעטיקייט האָבן מיר דערהאַלטן פון „היאַס“ ניו-יאָרק, „היאַס“ וואַרשע און אַנדערע „היאַס“-אָפּטיילונגען, געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן און פּריוואַטע פּערזאָנען איבער 7450 בריוו און דעפּעשן; די עמיגראַנטן פון אונזער געגנט האָבן דורך אונזער פאַרמיטלונג דערהאַלטן 1964 בריוו פון זייערע קרובים. די בריוו אין פּראָווינץ פלעגן פון דער ווילנער ביוראָ איבערגעשיקט ווערן צו די אָרטיקע קאָמיטעטן. דער גרעסטער טייל פון דערהאַלטענע אויף אונזער אַדרעס פּריוואַטע בריוו באַציט זיך אויף די היימלאָזע עמיגראַנטן און רעעמיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקן אַדרעס און האָבן זייערע קרובים געבעטן די בריוו מיט די „אַפּידעוויטן“ א. א. דאָקומענטן אַדרעסירן אויף „יעקאָפּאָ“. מיר האָבן פאַר דער צייט אָפּגעשיקט 7469 בריוו און איבער 800 דעפּעשן.

קרובים-זוכערס.

מיר האָבן זיך אויך פאַרנומען מיטן אויסזוכן קרובים דורכן „היאַס“ אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דורך אַנדערע געזעלשאַפטן אין די איבעריקע לענדער. בס״ה האָבן מיר איבערגעשיקט אַזעלכע זוכער-בויגענס 2241. די צאָל אויסגעפונענע קרובים איז אָבער געווען ניט באַדייטענד. פאַרשיידענע קאָמיטעטן פון צפון- און דרום אַמעריקע, אַפריקע א. א. האָבן, פאַרקערט, דורך אונזער פאַרמיטלונג אויסגעפונען פּערזאָנען אין ווילנע און אויף דער פּראָווינץ אויף די זוכער-בויגענס, וועלכע זיי האָבן אונז צוגעשיקט. אַ סך קרובים האָט „יעקאָפּאָ“ אויסגעזוכט לויט די אַנקעטע-בויגענס פון כאַרבינער קאָמיטעט. דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּערזאָנען, וואָס זיינען דורך דער מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלאַך פון רוסלאַנד. אָפט פלעגט אונז אויסקומען צו ווענדן זיך צו די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס אָדער „היאַס“-אָפּטיילונגען אין אַנדערע לענדער, ווי ליטע, רומעניע, בעסאַראַביע, לעטלאַנד, כאַרבין א. א. וועגן אַרויסבאַקומען מעטריקעס אָדער אַרכיוו-באַשטעטיקונגען, וועלכע זיינען די עמיגראַנטן געווען נייטיק אויף צוצושטעלן אין די קאָנסולאַטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אויך מיר פון אונזער זייט האָבן זיך באַמיט אַזעלכע פאַפּירן פון געבוירענע אָרטער תושבים פון אונזער געגנט אָפּצושיקן לויט דער בקשה פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער. דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג איז אויך אויסגעקומען אין פיל פאַלן צו פאַרבינדן זיך מיט באַזונדערע געזעלשאַפטן אין אָנגעלעגנהייטן פון עגונות, ווי, למשל, מיט דער פרויען-שוץ-געזעלשאַפט אין אַמעריקע, וועלכע פלעגט פון איר זייט אין אַזוינע פאַלן אויך זיך ווענדן צו אונז. די עמיגראַציע-אָפּטיילונג האָט אויך געהאַט צו טאָן לויט די ווענדונגען פון די עמיגראַנטן אָדער זייערע קרובים מיט ענינים פון ירושות, גטן וכדומה.

אינפאָרמאַציעס.

אין משך פון אונזער טעטיקייט האָבן מיר אַרויסגעגעבן איבער 50000 שריפטלעכע און מונדליכע אינפאָרמאַציעס וועגן די רייזע-מעגליכקייטן אין פאַרשיידענע לענדער. די אינפאָרמאַציעס זיינען שטענדיק געווען דער נייטיקסטער געווער אין דער עמיגראַציע-אַרבעט. מיר האָבן הונדערטער עמיגראַנטן ניט געלאָזט פאַרפירט ווערן פון די פאַלשע ידיעות, וועלכע פלעגן צווישן זיי פאַרשפּרייט ווערן. די כסדרדיקע ענדערונגען אין די עמיגראַציע-תקנות און די פאַרשיידענע קאָמפּליקאַציעס ביים אַרויסבאַקומען אויסלענדישע עמיגראַנטן-פּעסער האָבן געצוואונגען די עמיגראַנטן צו זיין אינפאָרמירט וועגן יעדער קלייניקייט. זיי פלעגן מאַסנווייז קומען אין ביוראָ וועגן די דאָזיקע אַלע ענינים. ווי נאָר ס׳פלעגן אונז באַוואוסט-ווערן דורך דער צענטראַלע אין וואַרשע געוויסע עמיגראַציע-ענדערונגען פלעגן מיר זיי גלייך קאָמוניקירן אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע און צירקולאַריש באַקאַנען מיט זיי די סעקרעטאַריאַטן אויף דער פּראָווינץ און די אָרטיקע קהלות און קאָמיטעטן.

נאָך נייטיקער איז די אינפאָרמאַציע-אַרבעט געווען אין יאָר 1923, ווען צוליב די באַגרענעצטע מעגליכקייטן צו עמיגרירן אין די פאַראייניגטע שטאַטן האָבן די עמיגראַנטן אָנגעהויבן צו שטראָמען אין אַנדערע לענדער פון אַמעריקע, ווי קובע, מעקסיקע א. א., באַטראַכטנדיק זיי אַלס טראַנזיט-פּונקטן. געוויסע שיפס-געזעלשאַפטן, און אַנדערע פאַקטאָרן, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אַזאַ עמיגראַציע, פלעגן פאַרשפּרייטן פאַבריצירטע, ניט קיין ריכטיקע ידיעות וועגן דעם עקאָנאָמישן און קלימאַטישן צושטאַנד פון יענע לענדער, וועגן דער מעגליכקייט שנעל אָפּצופאָרן פון דאָרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועגן די דאָרטיקע לעבנס באַדינגונגען און פּרנסה-מעגליכקייטן.

מיר האָבן עפנטליך געוואָרנט די עמיגראַנטן פון אַזוינע פאַרפירערישע קלאַנגען און ידיעות און האָבן וועגן דעם געדרוקט קאָמוניקאַטן אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע און גלייכצייטיק אויך צירקולאַריש אינפאָרמירט אונזערע פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען וועגן דער פאַקטישער לאַגע פון די לענדער. ס׳האָט זיך דערהויפּט געהאַנדלט וועגן קובע און מעקסיקע. די עמיגראַנטן האָבן זיך מיטן גרעסטן צוטרוי באַצויגן צו אונזערע מיטטיילונגען און נאָר אין די פאַלן, ווען דער עמיגראַנט האָט געמוזט צו אַ געוויסן טערמין פאַרלאָזן פּוילן און אַנדערשוואו האָט ער ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו עמיגרירן, איז ער געפאָרן אין די אויבנדערמאָנטע לענדער, כדי ערגעץ-וואו דאָך צו אַנטלויפן.

אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט אין דער הינזיכט אַרגענטינע. אַ גרויסער טייל פון עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף אַ „קאַרטע ווסטעמפּו“ אָדער געהאַט אַ צו ווייטן טערמין, האָבן אויך דאָס לאַנד אויסגענוצט אַלס טראַנזיט-פּונקט. די קלימאַטישע און אויך די עקאָנאָמישע באַדינגונגען

פון אַרגענטינע זיינען מער צוגעפּאַסט פאַר אייראָפּעאישע איינוואוינער און דעריבער האָבן זיי זיך אַ סך לייכטער אַקלימאַטיזירט אין אַרגענטינע און אָפט אויך איינגעאָרדנט. אויסער דעם זיינען געפאָרן קיין אַרגענטינע ספּעציעלע מינים עמיגראַנטן אין אַ היפּשער צאָל מיטן צוועק דאָרט צו באַזעצן זיך אויף שטענדיק. דאָס זיינען געווען קוואַליפיצירטע אַרבעטער און בעלי-מלאכות און אויך ערד-אַרבעטער. אַזעלכע עמיגראַנטן פלעגן זייער אָפט פאָרן מיט זייערע משפחות, אָדער אַליין מיטן ציל שפּעטער אָפּצונעמען די משפחות. ס'איז שווער צו זאָגן, ווי ס'האָבן זיך איינגעאָרדנט די עמיגראַנטן, וועלכע זיינען געפאָרן קיין אַרגענטינע דורך אונזער פאַרמיטלונג, דאָך האָט אַ גרויסער טייל פון זיי אָפּגענומען די משפחות, וואָס קען זאָגן עדות, אַז די לאַגע זייערע איז ניט קיין שלעכטע.

די עמיגראַציע אין אַנדערע לענדער איז געווען שוואַכער, טיילווייז צוליב די עמיגראַציע-תקנות, און אויך צוליב דער אויפנאַמס-פעאיקייט פון די לענדער. אַזוי, האָבן קיין קאַנאַדע געקאָנט פאָרן נאָר פאַרקאָנטראַקטירטע ביי פאַרמערס ערד-אַרבעטער אָדער דינסטן און דעריבער איז די צאָל פּעטענטן אויף דעם לאַנד געווען אַ קליינע.

קיין פּאַלעסטינע איז די עמיגראַציע רעגולירט געוואָרן דורך דעם פּאַלעסטינע-אַמט. מיר האָבן זיך בלויז באַנוגנט מיט אַרויסגעבן אינפאָרמאַציעס אָדער יורידישע עצות און פלעגן איבערשיקן די אָנגערופענע פּעטענטן, וועלכע פלעגן זיך צו אונז ווענדן, אין פּאַלעסטינע-אַמט.

יורידישע אַרבעט, פּעסער און דאָקומענטן.

פון דעם אויבנגעזאָגטן איז קלאָר, אַז אין צענטער פון אונזער גאַנצער עמיגראַציע-טעטיקייט פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן, אויסער דעם לעצטן, זיינען געשטאַנען די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזוי ווי פאָרן האָבן געקאָנט לויט די תקנות נאָר קרובים, און דאָס וואָס ווייטער אַלץ באַגרענעצטערע קאַטעגאָריעס, — גרעסטנטייל אַ פּאַסיווע, אָפּגעשטאַנענע און הילפלאָזע מאַסע, — האָבן מיר זיך ניט געקאָנט באַנוגענען בלויז מיט אינפאָרמאַציע אַליין און האָבן אויף זיך געמוזט נעמען אויף די גאַנצע יורידישע אַרבעט.

ווי נאָר דער עמיגראַנט פלעגט דערהאַלטן אַן אַפידעוויט, פלעגט ער אים אונז איבערגעבן אויף צו מאַכן דעם אויסלענדישן פּאַס. אין דער ערשטער תקופה פון דער עמיגראַציע פלעגט מען פּעסער אַרויסגעבן פריי אַפילו צו די ווייטסטע קרובים, שפּעטער, אָבער, ווען צענדליקער טויזנטער עמיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געבליבן מיט פּעסער אויף די הענט, האָבן די סטאַראָסטוועס ערשט דאַן באַפרידיקט די בקשה פון עמיגראַנט, אויב דער „אורזשאַנד עמיגראַציייני" האָט דעם אַפידעוויט קוואַליפיצירט אַלס אַ געהעריקן צו דער קאַטעגאָריע, וועלכע קען באַקומען די וויזע. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אָפּגעשיקט צום „אורזשאַנד עמיגראַציייני" איבער 800 אַפידעוויטן צום שטעמפּלען.

פאַר די פינף יאָר אַרבעט האָבן מיר אין ווילנע אַליין אַרויסבאַקומען פאַר די עמיגראַנטן 1160 פּעסער און איבער 400 פּראָלאָנגאַטן. דאָס אַרויסבאַקומען די פּעסער איז געווען זייער קאָמפּליצירט און די מאַסע עמיגראַנטן, וועלכע איז באַשטאַנען דער עיקר פון פרויען און עלטערן (זקנים), וואָלטן אַליין געווים אינגאַנצן פאַרפּלאָנטערט געוואָרן ביים דערלעדיקן די פיל פאָרמאַליטעטן, מיט וועלכע ס'איז פאַרבונדן דאָס אויספאַרטיקן דעם אויסלענדישן פּאַס, ווי דאָס אַרויסבאַקומען די באַשטעטיקונג פון „איזבאַ סקאַרבאָוואַ", די „קאַרטאַ קוואַליפיקאַציינאַ" א. א. וו., א. א. וו.

זעלטן פלעגט דער עמיגראַנט אין דעם האַלב יאָר, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעשטעלט דער פּאַס, באַוויזן אָפּצופאָרן. און כמעט שטענדיק האָט ער אים געמוזט פאַרלענגערן פאַרן גיין צו דער וויזע. פאַר דער צייט פלעגן זיך ענדערן די פּאַס-געזעצן און מען האָט געמוזט צושטעלן אַ גאַנצע ריי נאָך אַנדערע דאָקומענטן, כדי צו באַקומען אַ פּראָלאָנגאַט אָדער אַ נייעם פּאַס.

אויף דער פּראָווינץ פלעגן אונזערע סעקרעטאַריאַטן אָדער קאָמיטעטן מיטהעלפן דעם עמיגראַנט מיט יורידישע עצות, אין אַנדערע ערטער פלעגן די קאָמיטעטן אַליין ווי אין ווילנער צענטראַלע, דערלעדיקן אַלע פאָרמאַליטעטן, באַזונדערס אין די גרעניץ-פּונקטן, ווי גלובאָקע, ווילייקע א. א.

פון יאָר 1922 איז דורכן קאָנסולאַט איינגעפירט געוואָרן אַ ריי-אָרדענונג. ווי נאָר דער עמיגראַנט פלעגט שוין האָבן אויסן האַנט דעם אויסלענדישן פּאַס, פלעגן מיר פאַר אים אויספילן אַ ספּעציעלע אַפּליקאַציע צום קאָנסול אויף צו באַקומען אַ „קאַרטאַ הסטעמפּו" צו דער וויזע. אַזאַ „קאַרטאַ ווסטעמפּו" פלעגט דער עמיגראַנט דערהאַלטן זייער אָפט אויף אַ ווייטן טערמין, אַזוי הייס, אַז ביז ער פלעגט זיך דערוואַרטן דעם גליקלעכן טאָג פון שטעלן זיך צו דער וויזע, פלעגט אים דעריאָגן אַ נייער באַגרענעצונגס-געזעץ.

אָט אין אַזאַ אַטמאָספער פון כסדר'דיקע ענויים און מאַטערנישן זיינען אַוועק די לעצטע פאַר יאָר פון דער עמיגראַציע-אַרבעט.

יתומים-עמיגראַנטן.

אין די יאָרן 1921—1923 איז געפירט געוואָרן דורכן „היאַס" אַ וויכטיקע אַרבעט פאַר יתומים, וועלכע פלעגן, אין עלטער ביז 14 יאָר, בעניכן פון אַ ספּעציעלן געזעץ, לויט וועלכן זיי פלעגן אַריינגעלאָזט ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויסער דער ריי צו זייערע ווייטסטע פריינד און אַפילו צו פרעמדע, וועלכע פלעגן זיי אַדאָפּטירן. דער „היאַס" אין וואַרשע פלעגט צוזאַמענשטעלן אַזעלכע גרופּעס יתומים און מיט ספּעציעלע באַגלייטערס אָפּשיקן די טראַנספּאָרטן.

אַזעלכע יתומים אין אַ צאָל פון איבער 100 זיינען אויך אָפּגעפאָרן פון אונזער געגנט, און מיר האָבן אויף זיך געהאַט די פליכט אויסצואַרבעטן פאַר זיי אַלע נויטיקע דאָקומענטן. אין יאָר 1924 האָבן די נייע עמיגראַציע-באַגרענעצונגען אויך אַוועקגערויבט די פּריווילעגיעס פון די מלחמה-יתומים און זיי ווערן באַהאַנדלט צוגלייך מיט אַלע עמיגראַנטן.

טראַנסעמיגראַנטן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין אונזער עמיגראַציע-אַרבעט פאַרנעמט די יורידישע הילף, דער עיקר פאַר די טראַנסעמיגראַנטן. אָנהייבנדיק פון די גרעניץ-סטאַראָסטוועס ביז דער דעלעגאַטור האָבן מיר כסדר געמוזט אינטערווענירן פאַר אַזעלכע עמיגראַנטן, וועלכע פלעגן אַריבער די גרעניץ מיט זייערע אַפידעוויטן פון די אַמעריקאַנער קרובים. זייער פיל איז אויסגעקומען אויסצושטיין הן די עמיגראַנטן והן דער יורידישער און עמיגראַציע-אָפּטיילונג ביז ס'איז געלונגען אויסצופועלן אַ צייטווייליקן וואוינרעכט פאַר זיי אין לאַנד.

דערביי מוז באַטאָנט ווערן די אויסערכט שווערע אַרבעט, וועלכע אונזער אָפּטיילונג האָט דורכגעפירט לטובת אַ גרופּע רוסישע היימלאָזע-עמיגראַנטן, איבער 100 מענטשן. נאָכדעם ווי אונז איז געלונגען זיי צו לאָקאַליזירן און אַפילו צו באַקומען פאַר זיי אויסלענדישע פּעסער, איז אַרויס די באַקאַנטע פרעמדן-גזירה, לויט וועלכער אַלע פרעמדע האָבן געמוזט פאַרלאָזן פּוילן. דאָך, נאָך אַ גאַנצער ריי השתדלותן אין צענטער האָט זיך איינגעגעבן פאַר די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט נומערלאַך צום קאָנסול אויף דער וויזע, אויסצופועלן אַ פּראָלאָנגאַט און זיי זיינען אַלע אָפּגעפאָרן צו די קרובים קיין אַמעריקע.

שיפס-געזעלשאַפטן.

מיר זיינען מיט די שיפס-געזעלשאַפטן ניט געווען דירעקט פאַרבונדן, דאָך האָבן מיר שטענדיק נאָכגעפאָלגט זייער טעטיגקייט און אין געוויסע פאַלן פלעגן מיר וועגן ניט ריכטיקע האַנדלונגען צונויפשרייבן זיך מיט „היאַס"-וואַרשע. אַלע אונזערע אינטערווענצן ביי די אָרטיקע אָפּטיילונגען פון די שיפס-געזעלשאַפטן פלעגן זיך ענדיקן מיט ערפאָלג. די אַלע שיפס-קאָנטאָרן האָבן באַטראַכט אונזער עמיגראַציע-אָפּטיילונג אַלס די איינציקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע און פלעגן זיך דעריבער מיט דרך-ארץ באַציִען צו אונזערע אָנמערקונגען און פלעגן אַליין זען אויסצומיידן מעגלעכע קאָנפליקטן.

קרובים-געלטער.

איינער פון די וויכטיקסטע טיילן פון דער „היאַס"-אַרבעט זיינען געווען בלי שום ספק די געלט-איבערווייזונגען. ס'זיינען דערמיט באַקעמפט געוואָרן די ספּעקולאַציע-טענדענצן פון די ביינק, וועלכע פלעגן צוליב דער דעוואַלוואַציע איבערגעבן די עמיגראַנטן גראָשנס אָנשטאָט דאָלאַרס. „היאַס" האָט מיט די דאָלאַר-אויסצאָלונגען אויפגעהיט די געלטער פון די עמיגראַנטן און גלייכצייטיק איז דערמיט דערגרייכט געוואָרן אַ צווייטע וויכטיקע ערשיינונג, וואָס דורך דאָס געלט פלעגט דער עמיגראַנט פאַרבונדן ווערן מיט דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג. דורכדעם איז געוואָרן מעגליך אַכטונג צו געבן אויף דעם עמיגראַנט און ניט לאָזן אים פאַרפירט ווערן דורך פאַרשיידענע „אַגענטן" און „מאַכערס", ווי אויך אינפאָרמירן אים וועגן די כסדר'דיקע ענדערונגען אין די עמיגראַציע-תקנות, צו וועלכע דער עמיגראַנט האָט זיך באַדאַרפט צופּאַסן. אַדאַנק דעם גרויסן צופלוס פון איבערווייזונגען צום „היאַס" זיינען אויך געוואָרן פּינקטליכער די פּריוואַטע ביינק, וועלכע האָבן שפּעטער אויך גענומען אויסצאָלן אין דאָלאַרן. די קאָנצענטרירונג פון די עמיגראַציע-געלטער אין „היאַס" האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם, אַז דעם „היאַס" זאָל געלינגען צו דריקן אויף די פּרייזן פון די שיפס-קאַרטן און צווינגען די שיפס-געזעלשאַפטן צו פאַרקלענערן די פּרייזן.

אַדאַנק דער פאַרצווייגטער טעטיגקייט פון „יעקאָפּאַ" אויף דער פּראָווינץ איז געלונגען אין אַ קורצער צייט צו אָרגאַניזירן די געגנט אַזוי, אַז פּראָצענטועל האָט דער „יעקאָפּאַ"-ראַיאָן פאַרנומען ניט נאָר דעם ערשטן אָרט, נאָר אפשר בכלל דעם דאָמינירנדיקן אָרט צווישן די „היאַס"-אויסצאָלונגען אין גאַנץ פּוילן.

תּחילת, ווען די עמיגראַציע איז געווען אַ גרעסערע און ווען דורך פּוילן איז אויך געגאַנגען די טראַנסעמיגראַציע זיינען די איבערגעוויזענע סומעס געווען גרעסערע. צוזאַמען מיט די פאַרגרעניצונגען אין דער עמיגראַציע, הויבן אָן צו ווערן קלענער די אויסגעצאָלטע געלט-סומעס, ווייל די עמיגראַנטן פלעגן באַקומען גרעסערע סכומים אויף רייזע-הוצאות. גלייכצייטיק, אָבער, ווערט פאַרגרעסערט די צאָל פּעטענטן, וועלכע פלעגן דורך „היאַס" קריגן געלט-שטיצע פון די קרובים. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך די סכומים פאַרקלענערט, די צאָל פּעטענטן, פאַרקערט, געהעכערט. די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די אַנטוויקלונג פון די געלט-אויסצאָלונגען, וועלכע „היאַס" האָט איבערגעשיקט דורך דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאַ" פאַר ווילנע און געגנט פון ערשטן טאָג אָן ביז לעצטן, ד. ה. פון 16 נאָוועמבער 1921 ביזן 15-טן יולי 1924:

יאָרן	דאָלאַר	בסך-הכל דאָל.
1921		
פון 16-טן נאָוועמבער ביז 1 דעצעמבער	815	
דעצעמבער .	7426^{58}	$8,241^{68}$
1922		
יאַנואַר . .	21525	
פעברואַר .	28016	
מערץ . .	25128	
אַפּריל . .	37245	
מאַי . .	29318	
יוני . .	33788	
יולי . .	32662	
אויגוסט . .	19367	
סעפּטעמבער .	17716	
אָקטאָבער .	32486	
נאָוועמבער .	35499	
דעצעמבער .	29162	341,912
1923		
יאַנואַר . .	20188^{71}	
פעברואַר .	29753^{81}	
מערץ . .	25825^{15}	
אַפּריל . .	34026^{74}	
מאַי . .	33084^{79}	
יוני . .	19231^{66}	
יולי . .	15479^{67}	
אויגוסט	15508^{73}	
סעפּטעמבער .	16040^{89}	
אָקטאָבער .	21744^{38}	
נאָוועמבער .	24286^{11}	
דעצעמבער .	27934^{81}	$283,105^{45}$
1924		
יאַנואַר . .	19672	
פעברואַר .	19752^{79}	
מערץ . .	24741^{14}	
אַפּריל . .	23352^{60}	
מאַי . .	30496^{60}	
יוני . .	21663^{77}	
פון 1-טן ביזן 15-טן יולי.	7917	$147,596^{30}$
	בסך-הכל נאָר די גאַנצע צייט . .	$780,855^{43}$

צו דער ביי געלייגטער טאַבעלע דאַרפן מיר צוגעבן פאָלגענדעס: אויב די ירידה פון די געלט-אויסצאָלונגען איז ניט געווען גרויס נאָך דעם, ווי ס'זיינען באַקאַנט געוואָרן די עמיגראַציע-באַגרענעצונגען אין יאָר 1924 און אויב דורך „היאַס" האָבן אָנגעהויבן צו פליסן שטיצע-געלטער פון קרובים, אַזוי אַז די צאָל פּעטענטן איז אין יאָר 1924 געוואַקסן (ז. די סטאַטיסטישע טאַבעלן ווייטער)— איז דאָס דער בעסטער באַווייז פון דער גרויסער פּאָפּולאַריטעט, וואָס אונזער אַרבעט האָט באַקומען אין דער גאַנצער געגנט.

מען דאַרף נאָך דערמאָנען די זייטיקע שטערונגען, וועלכע האָבן געשאַדט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון די געלט-ווענדונגען. אַזוי האָט די מאַכט אין יוני 1923 פאַרווערט אויסצוצאָלן אין דאָלאַרן די איבערגעוויזענע געלטער, און דער „היאַס" איז געווען געצוואונגען אויסצוצאָלן אין פּוילישע מאַרק, לויטן אָפיציעלן טאָג-קורס, דורך טשעקן אויף ביינק. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרעסערע אומצופרידנהייט צווישן דער קליענטור, נאָכמער, ווען דער אונטערשייד צווישן דעם אָפיציעלן טאָג-קורס און ניט אָפיציעלן איז געווען אַ באַדייטנדער. זייער שטאַרק האָט מיטגעווירקט צו דער אַלגעמיינער אומצופרידנהייט אויך דער פאַקט, וואָס די פּריוואַטע ביינק האָבן די איבערווייזונגען אָנגעהויבן אָפּצושיקן קיין פּוילן פון דאַנציג און אַנדערע שטעט אין אויסלאַנד, אין פאַרזיכערטע פּאַקעטן אין דאָלאַרן. צוליב די אָנגערופענע אויסערליכע מניעות און אומשטענדן האָבן זיך די געלט-איבערווייזונגען דורך „היאַס" אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן. די גזירה האָט, אָבער, געדויערט ניט לענגער פון 2 חדשים און אין אויגוסט 1923 האָט שוין דער „היאַס" צוריק אָנגעהויבן אויסצופירן זיינע צאָלונגען אין דאָלאַרן. די פּריווילעגירטקייט פון „היאַס" קעגן די איבעריקע פּריוואַטע ביינק איז דאַן באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער עולם האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די פּאַקעטן, און צוליב שווירינקייטן אויף פּאָסט, געזוכט אַליין צו באַקומען זייער געלט דורכן „היאַס".

אין אַלגעמיין דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז אַרום דעם „היאַס" האָבן זיך קאָנצענטרירט די אַלע מאַסן פּעטענטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן צוטרוי צו דער געזעלשאַפטלעכקייט פון אונזער אַרבעט און האָבן זיך אין אונזער אינסטיטוציע געפילט באַקוועם און היימיש אין פולן הסכם מיט דער טובה פון זייערע אינטערעסן.

די פּראָווינציעלע פלעגן ניט אָפט ספּעציעל פאָרן קיין ווילנע אָפּצונעמען

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

דאָס געלט. אין די פֿאַלן, אויב דער פּעטענט האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע גויסן אין שטאָט, פֿלעגט ער דאָס געלט אָפּנעמען דורך אַ צווייטער פּערזאָן מיט אַ באַפֿולמעכטיקונג, באַשטעטיקט דורך דער טאָטשער קהלה, קאָמיטעט אָדער רבי און קיינע שום מיספֿאַרשטייענישן פֿלעגן דערביי ניט פֿאָרקומען, דערהויפּט, ווען „יעקאָפּאָ“ זיינען געווען גוט באַקאַנט די שטעטלשע כלל-טוער, און צוליב זייער אָפּטע און ענגע באַציאונגען מיט דער פּראָווינץ אויף אַלע אַנדערע געביטן פֿון הילף און אויפֿבוי—אויך דאָס רוב פֿון די פּעטענטן בכלל. אין 1923-טן יאָר, ווען די „היאַס“-צענטראַלע אין וואַרשע האָט באַגרענעצט, צוליב יורידישע טעמים, דאָס אָננעמען באַפֿולמעכטיקונגען, באַשטעטיקטע ניט פֿון אַ רעיענט אָדער מאַגיסטראַט, האָט די עקזעקוטיווע פֿון „יעקאָפּאָ“ שטאַרק באַקעמפֿט די דאָזיקע גזירה, וואָס איז גאָרניט געווען מעגלעך, דורכצופֿירן אין גרעסטן טייל שטעטלעך שוין ניט ריידנדיק וועגן די הוצאות און אָנווער פֿון צייט, און ס'איז ווידער אויסגעפּועלט געוואָרן, אַז מ'זאָל קענען אויסצאָלן די געלטער אויך דורך יידישע פֿולמאַכטן און נאָר פֿאַר גרעסערע סומעס האָט מען געמוזט האָבן נאָטאַריעלע באַשטעטיקונגען. מ'דאַרף אויך דערמאָנען, אַז אין אייניקע גרויסע פּונקטן פֿון אונזער ראַיאָן, ווי לידע א. א., פֿלעגט „יעקאָפּאָ“ שיקן ספּעציעלע באַפֿולמעכטיקטע אויסצוצאָלן די געלטער אויף אָן אָרט.

ווי ס'ווייזט די טאַבעלע, איז פֿאַר די צוויי און דריי-פֿערטל יאָר אויסגעצאָלט געוואָרן 78085.43 דאָלאַר.

אין יולי 1924 זיינען דורכן „היאַס“-וואַרשע פּלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן די אויסצאָלונגען אויף דער פּראָווינץ אין גאַנץ פּוילן, בתוכם אויך אין ווילנע. די געלט-זענדונגען האָט „היאַס“ פֿון דאַן אָן איבערגעשיקט אין ווערט-בריוו דורך פּאָסט, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אומצופֿרידנהייט ביי אונזערע פּעטענטן. ניט ווייניק עמיגראַנטן און אַנדערע פּערזאָנען האָבן אויך ווייטער במילא געמוזט אָנקומען צו אונז, אַז מיר זאָלן פֿאַר זיי באַקומען דאָס געלט פֿון וואַרשע, און לויט דער דרינגענדער בקשה פֿון אַ טייל פּעטענטן,—אַלץ אַזוינע פּערזאָנען, וואָס נויטיקן זיך אַם מערסטן אין הילף און אויפֿזיכט,—פֿלעגן מיר באַקומען פֿאַר זיי דאָס געלט צוגעשיקט אויף אונזער נאָמען.

אויסער דעם האָט דורך דער נייער רע-פֿאָרם געליטן דער פֿריערדיקער ענגער קאָנטאַקט מיט די עמיגראַנטן.

אין צווישנצייט האָט, אָבער, „היאַס“ איבערגעגעבן די גאַנצע עמיגראַציע-אַרבעט דער ניי-געגרינדעטער צענטראַלער יידישער עמיגראַציע-געזעלשאַפֿט אין פּוילן און איז געבליבן נאָר ביי די געלט-אויסצאָלונגען.

די אַרבעט נאָך די אימיגראַציע-באַגרעניצונגען.

צום שלוס פֿון באַריכט מוז אָנגעוויזן ווערן אויף דעם כאַראַקטער, וועלכן די עמיגראַציע-אַרבעט האָט באַקומען אין דער לעצטער העלפֿט 1924 נאָכדעם, ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע איז אַנטגילטיק אָנגענומען געוואָרן דער „ביל“, וועלכער האָט ביז אַ מינימום באַגרעניצט די איינוואַנדערונגס-מעגלעכקייטן פֿאַר די לענדער, פֿון וואַנען ס'גייט דער עיקר די יידישע עמיגראַציע. די אימיגראַציע אין די שטאַטן איז נאָך דעם נייעם ביל אַזוי גוט ווי אָפּגעשטעלט.

די אימיגראַציע קיין אַרגענטינע איז אויך פֿיל שוואַכער געוואָרן צוליב דעם, וואָס די עקאָנאָמישע לאַגע דאָרט איז אַ וואַקלדיקע און די, וועלכע פֿלעגן באַטראַכטן אַרגענטינע אַלס טראַנזיט-פּונקט, האָבן אויפֿגעהערט צו שטראָמען אַהין. ס'איז אויך געפֿאַלן צוליב די באַגרעניצונגען די עמיגראַציע אין אַנדערע לענדער. וואָס איז שייך דער עמיגראַציע קיין פֿראַנקרייך און בעלגיע, וואוהין ס'זיינען אַוועקגעפֿאָרן, דערהויפּט קיין פֿראַנקרייך, צענדליקער טויזנטער אַרבעטער פֿון פּוילן—האָט זי כמעט ווי ניט אָנגערירט די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. לעצטנס, האָט די יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפֿט אין פּוילן זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט די געהעריקע יידישע אינסטיטוציעס אין די דערמאָנטע לענדער וועגן דער מעגלעכקייט פֿאַר געוויסע קאַטעגאָריעס יידישע אַרבעטער און בעלי-מלאכות פֿון עמיגראַציע קיין פֿראַנקרייך. אויסער איין לאַנד—פּאַלעסטינע—איז ניט צו מערקן קיין עמיגראַציע-שטייגערונג, וואָס איז אויך ניט מעגלעך צוליב די עמיגראַציע-באַגרעניצונגען.

אין דעם פּעריאָד פֿון שווערסטן עקאָנאָמישן קריזיס פֿון נאָך די מלחמה-יאָרן, וועלכן דאָס פּוילישע יידנטום מאַכט דורך זינט דאָס יאָר 1924, ווען די עמיגראַציע-נויטן וואַקסן פֿון טאָג צו טאָג, זיינען מיר נאָך אין פּראָצעס פֿון זוכן און פֿאָרשן נייע לענדער פֿאַר דעם יידישן וואַנדערער.

די מאַסן עמיגראַנטן, וועלכע פֿלעגן פֿריער קומען אין ביוראָ נאָך אינפֿאָרמאַציעס, האָבן פֿון דער צווייטער העלפֿט 1924 זיך דערוואוסט פֿון פֿאַרויס די תשובה, אַז וואו ס'זאָל ניט אַ וואָרף טאָן די אויג דער יידישער עמיגראַנט, וועט ער פֿאַר זיך טרעפֿן פֿאַרמאַכטע טויערן אין גאָר דער וועלט.

לויט די פּראַקטישע רעזולטאַטן קען דער לעצטער האַלב יאָר 1924 אין אונזער עמיגראַציע-אַרבעט פֿאַררעכנט ווערן אַלס אַ שטילשטאַנד.

פּעקלאָך קיין רוסלאַנד.

צו דעם באַריכט דאַרפֿן נאָך צוגעגעבן ווערן אייניקע ידיעות וועגן דער זייער וויכטיקער הילפֿס-אַרבעט, וועלכע די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פֿון „יעקאָפּאָ“, אויך אין פֿאַרבינדונג מיט „היאַס“ אין וואַרשע און מיט דער עקזעקוטיווע פֿון דער וועלט-הילף-קאָנפֿערענץ אין פּאַריז, האָט דורכגעפֿירט דורכן אָרגאַניזירן די איבערשיקונגען פֿון שפּייז-פּעקלעך פֿון ווילנע און געגנט פֿאַר די הונגעריקע אין רוסלאַנד און אוקראַינע.

ווען אין 1922-טן יאָר האָט אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן דער שרעקלעכער הונגער, האָבן פֿיל געזוכט די מעגלעכקייט ווי צו שטיצן זייערע קרובים און פֿריינד. אַזוי ווי פּראָדוקטן האָבן אין יענער צייט געהאַט אַ גרעסערן ווערט ווי געלט פֿאַר די הונגעריקע משפּחות, צוליב דעם מאַנגל פֿון פּראָדוקטן אין רוסלאַנד, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט, וואו ס'זיינען אייגנטלעך קאָנצענטרירט די יידישע מאַסן, האָט זיך געשטעלט אין דער ערשטער ריי די פֿראַגע וועגן שיקן אַהין שפּייז.

פֿאַר די עטלעכע חדשים פֿון יאָר 1922, ווען די אַקציע איז דורכגעפֿירט געוואָרן, איז אונז געלונגען איבערצושיקן 587 פּעקלעך. פֿון זיי זיינען געווען 66 צען-דאָלאַרדיקע דורך דער אַמעריקאַן רעליעף-אַדמיניסטריישאַן און 521 פּעקלעך צוויי-אַ-האַלב-דאָלאַרדיקע דורך דעם נאַנסען-קאָמיטעט.

שפּעטער האָבן שוין די פּעקלעך לגבי געלט פֿאַרלאָרן זייער ווערט און מחמת דעם איז די גאַנצע אַקציע איבערגעריסן געוואָרן. די האָט, אָבער, אין די שווערע הונגער-חדשים אין רוסלאַנד פֿיל משפּחות אָפּגעראַטעוועט פֿון הונגער-טויט און קען דעריבער פֿאַררעכנט ווערן אַלס אַ גרויסע הילפֿס-אַקציע בשעתה.

סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די פאַררעגיסטרירטע פּעטענטן אין עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאַ" פאַר די יאָרן 1921—1924.

טאַבעלע № 1

אלגעמיינע צאָל פּעטענטן.

יאָר	משפּחות	נפשות
1921	1150	2198
1922	5511	15584
1923	1120	2372
1924	1101	2752
בסך-הכל	8882	22906

טאַבעלע № 2

געשלעכט פון די פּעטענטן.

	1921	1922	1923	1924	בסך-הכל
מענער . . .	700	5470	900	919	7989
פרויען . . .	965	6582	1083	1191	9821
					17810
קינדער (ביז 14 יאָר)	533	3532	389	642	5096
בסך-הכל . .	2198	15584	2372	2752	22906

טאַבעלע № 3

עלטער פון די פּעטענטן.

עלטער	1921	1922	1923	1924	פּערזאָן
פון 1 ביז 5 יאָר	77	647	81	147	952
„ 5 „ 10 „	187	1122	123	172	1604
„ 10 „ 15 „	269	1762	185	323	2539
„ 15 „ 20 „	386	2196	329	379	3290
„ 20 „ 30 „	367	2445	429	372	3613
„ 30 „ 40 „	238	1520	293	310	2361
„ 40 „ 50 „	235	1668	303	313	2519
איבער 50 יאָר .	307	2924	534	675	4440
די יאָרן ניט אָנגעוויזן	132	1300	95	61	1588
בסך-הכל פּערזאָן	2198	15584	2372	2752	22906

טאַבעלע № 4

די געלט-אויסצאָלונגען לויט דער גרויס פון די סומעס (ז. זייט 118—120).

יאָר	ביז 5 דאָלאַר	ביז 10 דאָל.	ביז 25 דאָל.	ביז 50 דאָל.	ביז 100 דאָל.	ביז 200 דאָל.	ביז 300 דאָל.	ביז 400 דאָל.	ביז 500 דאָל.	ביז 600 דאָל.	ביז 700 דאָל.	ביז 800 דאָל.	ביז 900 דאָל.	ביז 1000 ד	איבער 1000 ד	בס״ה אויסצאָלונגען
1½ חדשים 1921 (פון 16 נאָוו.)	1	4	13	18	10	9	4	2	—	—	—	1	1	—	1	64
1922	24	209	1057	856	537	280	87	39	34	10	10	8	3	8	25	3187
1923	169	428	2140	1533	647	331	88	37	23	10	7	4	2	4	11	5434
7½ חדשים 1924 (ביזן 16 אויג.)	248	648	1323	755	282	163	48	16	17	1	2	3	3	—	6	3515
בס״ה אויסצאָלונגען פאַר די 33 חדשים	442	1289	4533	3162	1476	783	227	94	74	21	19	16	9	12	43	12.200

באַמערקונג: די סטאַטיסטיק איז געפירט געוואָרן לויט די ספּעציעלע קאַרטעס פון „היאַס", וועלכע פלעגן זיך בײַטן. ווײַטערדיק פּראַקטיש צוגעפּאַסט אין פאַרשיידענע צײַטן צו פאַרשיידענע באַשטימטע עמיגראַציע-ענינים און געלט-אויסצאָלונגען (צווישן די לעצטע, אין אַלגעמיינעם כלל, אויך די „טראַנספּאָרטיישאָן"-געלטער, ד. ה. אויף רייזע-הוצאות קיין אַמעריקע, — אַליין ריין-עמיגראַציאָנעלע געלטער) און ס'לאָזט זיך פון זיי ניט אויסשטעלן קיין באַזונדערע ידיעות וועגן די עמיגראַנטן אין זייערע באַשעפטיגונגען פאַר וועגן די אימיגראַציע-לענדער. אין די קאַרטעס ווערן אויך ניט אָפּגעטיילט די אײַנצלנע עמיגראַנטן פון די סאַך פּערזאָנען, וואָס האָבן באַקומען דורך „היאַס" קרובים-געלטער פון אַמעריקע. מחמת דעם — באַצייכנען מיר די אַלע פּערזאָנען, הן עמיגראַנטן והן אַנדערע, וואָס האָבן זיך געווענדעט נאָך פאַרשיידענע ענינים אין אונזער עמיגראַציע-אָפּטיילונג, מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „פּעטענטן".

זייער גענוי און פּינקטליך איז געפירט געוואָרן די סטאַטיסטיק פון די געלט-אויסצאָלונגען (טאַבעלען אויף דער זייט 119 און 124. № 4).

פאַר די יאָרן 1921—1924 באַווײַזט די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאַ" בסך-הכל 8882 משפּחה-קאַרטעס. אין יאָר 1920 איז קיין סטאַטיסטיק וועגן עמיגראַציע-ענינים ניט געפירט געוואָרן.

י. וואָלק

אויפבויאונג
פון די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער.

ערשטע תקופה.

די מלחמה האָט חרוב געמאַכט אונזער געגנט און האָט אָפּגעמעקט פון דער ערד אַ ריי יידישע ישובים.

די איינוואוינער פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך זיינען אנטלאָפן אָדער זיינען מיט גוואַלד פאַרטריבן געוואָרן. שפּעטער, נאָכן שליסן שלום, ווען די רעפּאַטריאַנטן האָבן אָנגעהויבן אומקערן זיך אין די אַלטע היימען, האָבן זיי געפונען חורבות און אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך ממש ניט געהאַט וואו אהינצוטאָן. זיי האָבן באַזעצט די איבערגעבליבענע טראַנשייען, קעלערס, לעכער, האָבן זיך געטוליעט צווישן די רואינען, האָבן מאַסנווייז געוואוינט צווישן די ווענט פון די אַמאָליקע בתי-מדרשים,— און האָבן אַרויפגעלייגט זייער גאַנצע האָפענונג אויף „יעקאָפּאָ", וועלכע זיי האָבן שוין געקענט אַלס ברייט-אַרבעטנדיקע אָרגאַניזאַציע. אַז זי זאָל אויסגעפינען די מיטלען זיי קומען צו הילף און אומקערן זיי די מעגליכקייט פאַר אַ מענטשליכער עקסיסטענץ.

וואָס ווייטער האָט זיך אַלץ דרינגנדער געשטעלט דאָס פּראָבלעם פון אויפבויען די חרוב-געוואָרענע דורך דער מלחמה הייזער. פון אויסריכטן די חרוב-געוואָרענע דורך דער מלחמה ישובים.

דאָס בילד איז געווען אזא:

ווידז איז אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד דורך די באַוואוסטע קאַמפן ביי די דריסוויאַטער אָזערעס; סמאָרגאָן און קרעווע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן עד היסוד ביים פאַרטיידיקן דעם באַן-קנוט מאָלאָדעטשנע-מינסק; אין ליובטש און קאָרעליטש זיינען ניט געבליבן אַ שטיין אויף אַ שטיין ביים פאַרטיידיקן דעם אריבערגאַנג איבערן ניעמאַן.

אַ סך אַנדערע שטעטלעך פון אונזער געגנט זיינען חרוב געוואָרן טיילווייז און האָבן אויך געוואַרט אויף אויפבויאונג.

שוין גלייך נאָכן גרינדן דעם געגנט-קאָמיטעט אין ווילנע האָבן זיך באַקומען ווענדונגען וועגן אויפבוי.

אַזוי, למשל, האָט דעם 27-טן פעברואַר 1919 זיך געווענדעט אין „יעקאָפּאָ" דער ווידזער רב ה׳ כהנמאַן מיט דער בקשה צו נעמען אָנטייל אין אויפבויען די שטעטל. ווידז, האָט ער דערציילט

איז אינגאַנצן חרוב, ניטאָ קיין איין בנין. פון די יידישע איינוואוינער געפינען זיך אַ גרויסער טייל אין דווינסק, בערך 80 פאַמיליעס אין פּאָנעוועזש און די איבעריקע אין דער סביבה פון ווידז. די ווידזער גוסאָ האָבן געבילדעט אַ קאָמיטעט, וועלכער באַשטייט פון 3 פּערזאָן: הרב כהנמאַן (וואוינט אין קאָלטיניאַן, ווילנער גוב.), שמואל פלעקסער (פּאָנעוועזש) און יצחק מאַליאַצקי (דווינסק) ביז 500 פאַמיליעס ווילן זיך צוריקקערן קיין ווידז. וועגן אויפבויען די שטעטל פירט ער אויך אונטערהאַנדלונגען מיטן רוסן קרייז און האָפט, אַז אויך „יעקאָפּאָ" וועט קומען צו הילף.

דעם 3-טן מערץ 1919 ווערט ביי „יעקאָפּאָ" געגרינדעט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער אויפבוי-אַרבעט אין די צושטערטע שטעט ווידז און סמאָרגאָן. אין דער קאָמיסיע זיינען אויסגעטיילט געוואָרן: אדוו. פינקעלשטיין, וועלכער זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער יורידישער זייט פון דער אויפבוי-אַרבעט, אַרכ. ראָזענהויז אַלס טעכנישער פאַכמאַן, מ. שאַליט, מ. יעזוזעראָוו און ב. כהן. די קאָמיסיע האָט אויף דער זיצונג פון 28-טן מערץ 1919 באַשלאָסן גלייך צוצוטרעטן צו זאַמלען די געהעריקע דאַטן וועגן די צושטערטע שטעט. צוליב דעם צוועק האָבן אדוו. פינקעלשטיין און אַרכ. ראָזענהויז צונויפגעשטעלט אַ געהעריקן פראַגע-בויגן. עס זיינען אויך פאַרנאָטירט געוואָרן אַ ריי שטעט צום אויספאָרשן אין דער ערשטער ריי, צווישן זיי: סמאָרגאָן, שאַוול, פּאָסטאַוו, סוויראַנען, ווילייקע און ליאַכאָוויטש.

אויף דער זיצונג פון 6-טן אַפּריל 1919 יאָר ווערט באַשטעטיקט די אַנקעטע און נאָכדעם פאַנאַנדערגעשיקט אין אַ ריי פּונקטן מיט די געהעריקע ערקלערונגען, וועלכע ס'האָט אַריינגעטראָגן ה׳ שאַליט. די אַרבעט איז געפירט געוואָרן מיטן נויטיקן טעמפּ. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן ממשותדיקע שריט צו קריגן די נויטיקע געלט-מיטלען און בוי-מאַטעריאַלן פון דער רעגירונג, כדי מען זאָל קענען וואָס גיכער צוטרעטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט. די רעזולטאַטן האָבן געשיינט צו זיין גינסטיקע.

אינגיכן איז, אָבער, באַשלאָסן געוואָרן

דער גורל פון ווילנע: די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן פון די פּאָליאַקן.

די ניי-געשאַפענע לאַגע האָט געבראַכט צו אַ הפסקה אין די ענינים פון דער אויפבוי-אַרבעט. דער שווערער קריזיס, וועלכער האָט אַלס דירעקטער פּועל-יוצא פון דער פּויליש-באָלשעוויסטישער מלחמה אַרומגעכאַפּט די פּראָווינץ, האָט אָפּגערוקט אָן אַ זייט די מחשבות וועגן דער אויפבוי-אַרבעט. „יעקאָפּאָ" האָט זיך צו יענער צייט איבערגעגעבן אינגאַנצן מיט דער הילפס-אַקציע און פאַרברייטערט לאַוט ערך איר טעטיקייט: פון אַן אייגן קאָמיטעט אויף צו העלפן היימלאָזע איז זי געוואָרן די דירעקטע פאַרזאָרגערין פון דער גאַנצער פּראָווינץ. עס פלעגן אפילו פון צייט צו צייט אַרויסשווימען די פראַגן פון „אויפריכטונג פון דער ווירטשאַפט" (פּראָטאָקאָל פון 1-טן יוני 1919 יאָר), אָבער די פראַגע פלעגט בטל בששים ווערן אין אַ ים פון טאָג-טעגלעכע שווערע נויטן און ליידן.

ביסלעכווייז איז די פּראָווינץ געקומען צו זיך און די פראַגע וועגן אויפשטעלן די חורבונות איז ווידער געוואָרן אַקטועל. פון פאַרשיידענע חרוב-געוואָרענע שטעטלעך אין דער פּראָווינץ האָבן זיך אָנגעהויבן באַקומען ידיעות וועגן דער אומגעהויער נויט אויף דירות און בנינים, מחמת די צוריקוואַנדערער וואַלגערן זיך אין די אָקאָפּעס און אין די איבערגעבליבענע פון די דייטשן טראַנשייען:

„מיר אונטערגעשריבענע מלחמה-נשרפים אין סאָל ווענדן זיך צו אייך מיט אַ רוף און בקשה קומען אונז באַלד צו הילף אויפבויען אונזערע חורבונות. מיר וואַלגערן זיך אין באַראַקעס, קעלערן און אין אַנדערע שלעכטע וואוינונגען, וועלכע רופן אַרויס פיל קראַנקייטן צווישן אונז."

„אַ באַדייטנדע צאָל פון אונזערע קרעווער היימלאָזע געפינען זיך אין מינסק. די באַדינגונגען פון לעבן זיינען אויסער-געוויינלעך שווערע. אויב מיר באַקומען ניט קיין הילף אויף אָפּבויען אונזערע חורבות זיינען מיר פאַרלאָרן".

„פיל אָרימע פאַמיליעס פון די דערפער ביי נאָוואָגרודאָק האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין ליובטש. עס זיינען רעמאָנטירט געוואָרן 12 פון די אַלטע איבערגעבליבענע חורבות און אויסגעבויט 6 נייע הייזער. עס זיינען אויך רעמאָנטירט געוואָרן 2 קעלערן, אין וועלכע עס האָבן זיך אַריינגעקליבן מענטשן. אין די בנינים וואוינען איצט 73 פאַמיליעס, וועלכע לעבן, ווי מען קען זיך פאָרשטעלן, אין ענגשאַפט און נויט. עס געפינען זיך נאָך ביז 30 אָרימע פאַמי-

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

ליעס אין די דערפער און אַ 80 פאַמיליעס אין נאָוואָגרודאָק".

„מיט די אָקאָפעס-מאַטעריאַלן זיינען רעמאָנטירט געוואָרן אַ 35 אַלטע חורבות אין קאַרעליטש. עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן אויך 3 נייע הייזער און רעמאָנטירט 3 געמויערטע קעלערן. די אַלע בנינים באַוואוינען 251 פערזאָן אין זייער אַ שלעכטן מצב. אין נאָוואָגרודאָק וואוינען איצט 130 קאַרעליטשער פאַמיליעס. פון זיי זיינען 90 פאַמיליעס זייער אָרים. אַלע גאָרן אומקערן זיך אַהיים".

אַ בילד פון בראשית. נאָכן תהו וביהו—אַ ווידערגעבורט פון מענטשליכע ישובים.

דעם געגנט-קאָמיטעט איז פאָרגעשטאַנען אַ שווערע און האַרבע אויפגאַבע: בונדליך און שריפטליך אין ספעציעלע מעמאָראַנדומס האָבן די ח"ח שאַליט, קאָוואַרסקי און יעווזעראָוו אויסגעקלערט דעם ד. ד. ק. די וויכטיקייט פון אויפבוי, בפרט אין אַ מאָמענט, ווען דער צופלוס פון די רעעמיגראַנטן פון אַלע פאַרוואָרפענע ערטער ווערט גרעסער יעדן טאָג און די אויפבוי טראָגט אין זיך דעם געזונטן קערנדל פון פראָדוקטיוויטעט.

אין אָקטאָבער 1919 יאָר שטעלט „יעקאָפאָ" צו דעם ד. ד. ק. אַ באַשיידענעם ביודזשעט פון 200.000 מאַרק אויף הלוואות פאַר 8 באַזונדערס צורואינירטע שטעטלעך אויף אויפבויאונג פון הייזער און קהלשע אַנשטאַלטן. דאָס זעלבע ווערט געבעטן אין נאָוועמבער און דעצעמבער יענעם יאָר, אָבער די בקשות זיינען אָפגעוואָרפן געוואָרן. מען דאַרף צוגעבן, אַז דער ד. ד. ק. האָט צו יענער צייט ניט גענומען אין אַכט די אויפבוי-אַרבעט אין איר ברייטן פאַרנעם, נאָר אַרויסגעוויזן אַ געגנערשאַפט צו יעדן מין הילף, וועלכע איז ניט געווען פאַרבונדן דירעקט מיטן הויפטציל: „לינדערן דעם הונגער".

דער געגנט-קאָמיטעט האָט, אָבער, געהאַט אַ פעסטע מיינונג וועגן דער באַדייטונג פון דער אויפבוי. אויפריכטן די שטעטל דורך אויפבויען די הייזער באַטייט אויך אויפלעבן די שטעטל עקאָנאָמיש, אויפשטעלן די מערק און דעם האַנדל, געבן אַרבעט די בעלי-מלאכות און דער הונגער וועט שוין במילא פון זיך אַליין ווערן געלינדערט. „יעקאָפאָ" האָט דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן אייניקע אָפשפאָרונגען פון די באַקומענע געלטער אויף תמיכה און אַרויסגעבן די צורואינירטע שטעטלאַך געוויסע סומעס אויף אויפבוי-צוועקן.

די ערשטע עקספערימענטן זיינען געמאַכט געוואָרן אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן, דערהויפט אין קאַרעליטש און ליובטש. ערשטנס, ווייל פון זייער זייט האָט זיך געמערקט אַ געוויסע אייגענע איניציאַטיוו און, צווייטנס, זיינען דאָס רוב פליטים פון דעם ראַיאָן געווען פאַרטריבן אין פוילן און די באַדינגונגען פון אומקערן זיך זיינען פאַר זיי געווען באַדייטנד לייכטער. די יידישע קהילה אין נאָוואָגרודאָק האָט גערן אויף זיך גענומען דעם אויפטראַג פון קאָנטראָלירן און פאַנאַנדערטיילן די בונים די אויפבוי-געלטער לויט איר איינזען און באַשטימונג. די גרעסטע סומע האָט דערגרייכט ביז 1000 מאַרק אויף אַ בונה.

די רעזולטאַטן זיינען געווען באַדייטנדע. דער פאָליטעכניקער פון „יעקאָפאָ" י. וואַלק, וועלכער איז אין נאָוועמבער 1919 יאָר דעלעגירט געוואָרן ספעציעל אין יענעם ראַיאָן פעסטצושטעלן די ווייטערדיקע מעגליכקייט פון אויפבוי, האָט קאָנקרעטיזירט די רעזולטאַטן אין זיין באַריכט אויפן פאָלגנדן אופן:

„זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויפבוי-אַקציע באַמערקט זיך אַ געוויסע לעבהאַפטיקייט אין קאַרעליטש און ליובטש. די פויערים פון יענער סביבה געוויינען זיך ביסלעכווייז אָפ פון צו פאָרן אין שטאָט און פירן דורך זייערע אַלע געשעפטן אין די אויפלעבנדע שטעטלאַך און דער עקאָנאָמישער מצב ווערט אַלץ פעסטער. דאָס איז אַלץ אַדאַנק די קליינע מיטלען, מיט וועלכע מען איז די בונים געקומען צו הילף. מען קען זיך פאָרשטעלן, וועלכע רעזולטאַטן עס וועלן ברענגען די גרעסערע אויפבוי-אַקציעס".

היות, ווי פאַר דעם נאָוואָגרודקער ראַיאָן איז פאָרגעזען געוואָרן אַ גרויסע אויפבוי-אַרבעט, איז ביים נאָוואָגרודקער ועד-הקהל געבילדעט געוואָרן אַ קרייז-קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק פון צייט צו צייט צו באַזוכן די אויפבוי-פונקטן, קאָנטראָלירן די אַרבעט און אַסיגנירן געלט די בונים.

ס׳דאַרפן אויך פאַרנאָטירט ווערן אייניקע אַסיגנירונגען אויף רעמאָנטירן די בעדער אין פראָווינץ, ווי אויך אויף רעמאָנטירן פאָלקס-שולן, שפיטאָלן, דעזינפעקציע-קאַמערן און ברונימער.

בסך-הכל זיינען אין יענער צייט, פון אָקטאָבער 1919 ביז יאַנואַר 1920, אַרויסגעגעבן געוואָרן סומעס אויף 76 וואוין-הייזער, 27 רעמאָנטן פון בעדער, 7 רעמאָנטן פון פאָלקסשול-בנינים, 1 דעזינפעקציע-קאַמער, 1 שפיטאָל, 1 ברונים.— אין דער גרויס פון בערך 153000 מאַרק, אָדער וואַלאָריזירט לויטן אומגעפערן דורכשניטליכן טאַג-קורס, 2950 דאָלאַר. דערביי דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז אין יענע צייטן איז דער ווערט פון דאָלאַר גופא געווען לאין ערך העכער, ווי איצט, און די אויסגאָבן מיט אַ קלענערער סומע—אַ סך גרעסער.

די אַרבעט האָט זיך וואָס ווייטער אַנטוויקלט אַלץ מיט אַ גרעסערן טעמפ. די באַדערפענישן זיינען כסדר געוואַקסן. אין אַ בריוו פון קרייז-קאָמיטעט אין נאָוואָגרודאָק, דאַטירט דעם 22 דעצעמבער 1919, שרייבט מען צו „יעקאָפאָ":

„די סומעס אויף אויפבויאונג, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן פון „יעקאָפאָ", זיינען שוין פאַרטיילט געוואָרן. מיר באַקומען טאָגטעגליך נייע ביטעס וועגן אַרויסגעבן געלט אויף בויען הייזער אין די צעשטערטע שטעטלאַך. מיר האָבן באַשטימט הלוואות פאַר די פערזאָנען, וועלכע זיינען שוין צוגעטראָטן בויען פאַקטיש זייער הייזער. בס"ה דאַרף דער קרייז-קאָמיטעט האָבן אין זיין רשות אויף אויפבויאונג, לויט אונזערע אויסרעכענונגען, אום צו קענען ברענגען ווירקליכע נוצן, 100.000 מאַרק. אויף די 3 חדשים: דעצעמבער, יאַנואַר און פעברואַר."

שפעטער, דעם 11 יאַנואַר 1920, שרייבן זיי:

„די אַרבעט גייט פאָרווערטס. חוץ די אַרויסגעגעבענע ביז איצט הלוואות האָבן מיר אַסיגנירט ווייטערדיקע סומעס פאַר נאָך 41 בונים אויף אַ סומע פון 30.000 מאַרק אין ליובטש און קאַרעליטש. עס זעט זיך אויך פאָר אַן אַרבעט אין האָראָדישטש און סורעץ. דערצו דענקט דער קרייז-קאָמיטעט, אַז צום סוף ווינטער וועט זיך פאַרגרעסערן די צאָל בונים, ווייל די זיכערקייט, אַז „יעקאָפאָ" העלפט אויפבויען, האָט שטאַרק אויפגעהויבן דעם מוט ביי דעם עולם, האָט אים געגעבן ענערגיע און פיל פערזאָנען, וועלכע האָבן פריער ניט געטראַכט וועגן בויען, נעמען אָן איצט אַלע מיטלען אויף אויפבויען זייערע חורבות".

אַ פאַרצווייפלטער הילפס-געשריי האָט זיך באַקומען דעם 8 פעברואַל 1920 פון ווישנעווע.

אין אַן אויספירליכן מעמאָראַנדום שילדערן די ווישנעווער פאָרשטייער די שווערע לאַגע פון די רעפאַטריאַנטן, מערסטנטייל אָרימע לייט, ווייל „די רייכע בעלי-בתים האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט אין דער פרעמד און קומען צו אונז ניט. אומגעקערט האָבן זיך נאָר די אָרימע, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט שווער און ביטער". און ענדיקן: „מיר בעטן העלפן

אונזער חרוב-געוואָרענע און צוראוינירטע שטעטל, כדי זי זאָל אַרויסגיין פון איר קריטישער לאַגע. מיר בעטן ניט קיין ברויט, מיר דאַרפן ניט קיין נדבות, מיר פאַרלאַנגען און פאָדערן אויפריכטן אונז. אויפבויען אַ שטעטל. אָן אייער הילף דערוואַרט אונז, חלילה, אַן אונטערגאַנג, געדענקט, אַז אין אייערע הענט ליגט דער גורל פון אַ גאַנצער שטעטל“.

די אויפבוי-אַקציע האָט אַלץ מער באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַן אויסגעשפּראָכענער געזעלשאַפטליכער פּראָבלעם פון דער ערשטער מדרגה. וואָס ווייטער האָט זי אַלץ מער צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון „יעקאָפּאָ“. ניט קענענדיק באַקומען פון ד. ד. ק. קיינע שום ספּעציעלע אַסיגנירונגען אויף אויפבוי-צוועקן, האָט מען באַשלאָסן פאָרצוזעצן די אַרבעט מיט אייגענע מיטלען און אָפּשפּאָרונגען, ביז זי וועט אַרויסגעפירט ווערן אויפן ברייטן שליאַך פון אַ סטעטיקייט, וואָס וועט באַקרוינט ווערן דורך אַלעמענס אָנערקענונג.

די אויפבוי-אַרבעט איז איינצייטיק אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר-היום פון דער יידישער געזעלשאַפט אין מינסק, וועלכער איז אין יאָר 1919 פאַרנומען געוואָרן דורך די פּאָליאַקן. אַ גרויסער טייל איינוואוינער פון ווישנעווע, קרעווע און סמאָרגאָן, וועלכע זיינען פאַרוואָגלט בעוואָרן צוליב דער מלחמה אין מינסק, האָבן אויסגעדריקט זייער הייסן פאַרלאַנג אומצוקערן זיך אַ היים. אין דער זעלבער צייט זיינען געשיקט געוואָרן קיין ווילנע צו „יעקאָפּאָ“ שלוחים דירעקט פון מינסק: הרב מויויכ, אַלס פאָרשטייער פון קרעווער יידן און די ה״ה קיסין און ראַבינאָוויטש פון די ווישנעווער היימלאָזע אויף אָנצוהויבן אַ הילפס-אַקציע אויף העלפן זיי אומצוקערן זיך אַ היים און אויפשטעלן זייערע חורבנות. שפּעטער איז דער געגנט-קאָמיטעט אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ געשעענעם פאַקט דורך דעם מינסקער קאָמיטעט, וועלכער האָט אויף דער אייגענער אחריות עוואַקואירט פון מינסק די געוועזענע איינוואוינער פון דער קאָלאָניע „קרקע“ ביי סמאָרגאָן.

כדי צו סיסטעמאַטיזירן די אַרבעט האָט דער מינסקער קאָמיטעט דעלעגירט אַ ספּעציעלן פאָרשטייער קיין ווילנע, דעם ה׳ וויקטאָראָוו, וועלכער האָט אויף דער געמיינזאַמער זיצונג פון 1 יוני 1920 י. גענוי אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס איז אויסגעטאָן געוואָרן אין מינסק בנוגע דער פאָרשטייענדער אויפבוי-אַרבעט אין „קרקע“, ווי אויך וועגן געזעלשאַפטליכן בנין אויף אויפצונעמען די רעעמיגראַנטן, וועלכן זיי בויען אין סמאָרגאָן. אויף דער זעלבער זיצונג איז פּרינציפּיעל באַשלאָסן געוואָרן צו פירן די אויפבוי-אַרבעט אין דער ערשטער ריי אין סמאָרגאָן, קרקע און קרעווע, געמיינזאַם, לויט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, וואָס וועט אויסגעאַרבעט ווערן דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע צוזאַמענגעשטעלט פון ביידע קאָמיטעטן.

די אויפבוי-אַרבעט ווערט וואָס ווייטער אַלץ אַ מער ווירקנדיקער פאַקטאָר אין דער טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ“. די זיצונגען פון דער אויפבוי-קאָמיסיע קומען פאָר זייער אינטענסיוו און אָפט. אויף דער זיצונג פון 7 יוני 1920 ווערט אויסגעהערט דער באַריכט פון מ. שאַליט און עס ווערט באַשטעטיקט דער באַשלוס פון פּרעזידיום וועגן דער אויפבוי-אַרבעט אין דער גאַנצער ברייט. דעם 16 יוני 1920 ווערט באַשלאָסן שיקן אַ קאָמיסיע אין אַלע בוי-ראַיאָנען. די קאָמיסיע דאַרף זיין אַ פאַכמענישע. חוץ די ראַיאָנען פון סמאָרגאָן, קרקע און קרעווע, וועלכע דאַרפן געבויט ווערן געמיינזאַם מיט די פאָרשטייער פון מינסק, ווערט אַסיגנירט 750.000 מאַרק אויף די איבעריקע פּונקטן, אין דער ערשטער ריי — פאַר די חרוב-געוואָרענע פּונקטן אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן. דעם 30 יוני 1920 ווערט באַשלאָסן אַריינצונעמען די שטאָט ווידז אין דער צאָל פון די אויפבויאונגס-פּונקטן. די אַסיגנירונגען אויף אויפבוי-צוועקן האָבן אין יענער צייט דערגרייכט כמעט 50 פּראָצ. פון גאַנצן ביודזשעט. אַלע מיטלען זיינען געווען געהייליקט פאַר דער גרויסער אויפגאַבע פון אויפשטעלן די חורבנות פון דער מלחמה.

אין מיטן יולי 1920, אין עצם ברען פון דער אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן פאַרנומען ווילנע. דאָס האָט געבראַכט צו דער פּאַראַליזירונג פון דער אַרבעט, וועלכע איז מיט אַזוי פיל מי און ענערגיע אָנגעהויבן געוואָרן און טריט ביי טריט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן.

פאַר די צייט, — פון 1 יאַנואַר ביזן 15-טן יולי 1920, — איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די אָפּגעשפּאָרטע אויף דעם צוועק געלטער אַ סומע פון בערך 692.000 מאַרק אָדער, וואַלאָריזירט, בערך 4100 דאָלאַר, אויף בויען 96 וואוין-הייזער, 53 רעמאָנטן פון בעדער, 8 רעמאָנטן פון פאָלקס-שולן, 3 דעזינפעקציע-קאַמערן, 1 בנין פאַר פייערלעשער און 1 ברונים.

אין משך פון דער קורצער הפסקה איז אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט פאַרגעקומען אַ סך נייעס. ווילנע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין צענטער פון די געשעענישן, האָט איבערגעלעבט עטלעכע אָקופּאַציעס און „יעקאָפּאָ“ האָט בינו לבינו געמוזט פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע מיני הילף, ווי שטיצן פּאָגראָמירטע און היימלאָזע. אויפבוי איז ניט געלעגן אין קאָפּ. בפרט, אַז וועגן פירן אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט האָט קיין רייד ניט געקענט זיין צוליב דעם פאַקטישן מלחמה-צושטאַנד צווישן רוסלאַנד און פּוילן. עס איז אויסגעקומען צו ענדיקן דערווייל די אַלטע בנינים, וועלכע זיינען געבליבן אין מיטן דער אַרבעט. צו דעם צוועק איז אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט דעם 16-טן סעפּטעמבער 1920 יאָר באַשלאָסן געוואָרן צו רעזערווירן פון די נאָך פאַרבליבענע געלטער 100.000 מאַרק אויף אויפבויאונג.

אין נאָוועמבער 1920 יאָר, ווען ווילנע איז געווען אונטער דער ממשלה פון גענעראַל זשעליגאָווסקי, איז געשלאָסן געוואָרן דער פּרעלימינאַר-שלום צווישן פּוילן און רוסלאַנד: אָבער די פרידליכע באַדינגונגען האָבן שוין דאַן קיין גרויסע זאַכן אויפן געביט פון אויפבוי ניט געקענט אויסטאָן, ווייל צוליב דער אומקלאָרקייט פון דער פּאָליטישער לאַגע זיינען ניט אָנגעקומען קיין געלטער און דעריבער איז ניט געווען פון וואָס אָפּצושפּאָרן אויף אויפבוי-צוועקן. די אַסיגנירטע געלטער פון פריער זיינען אין דער עת-צרה פאַרטאָן געוואָרן אויף גיכע הילף, וועלכע איז געווען אין יענע צייטן באַזונדערס דרינגענד. פון דער אַנדער זייט זיינען דאָס רוב איינוואוינער אין די חרובע שטעטלעך ניט געווען אַזוי להוט אויפצושטעלן נייע בנינים, ניט זייענדיק זיכער אין מאָרגנדיקן טאָג.

עס איז אויסגעשוואומען די פראַגע וועגן פאָלקס-בנין אין סמאָרגאָן, וועלכער איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך דעם מינסקער קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ“ און געבליבן אין מיטן דער אַרבעט צוליב די לעצטע געשעענישן. עס איז אויך אָנגעקומען אַ דרינגענדע בקשה פון ווידז וועגן אַסיגנירן געלט אויף צו בויען הייזער פאַר רעעמיגראַנטן, וועלכע וואַלגערן זיך אין אָקאָפּעס און חורבות.

אויף דער זיצונג פון 23-טן נאָוועמבער 1920-טן יאָר איז באַשלאָסן געוואָרן צו דעלעגירן די ה״ה וויקטאָראָוו און וואַלט קיין סמאָרגאָן, וועלכע זאָלן זיך באַקאַנען אויפן אָרט מיט די ווייטערדיקע אויסזיכטן פון אויפבויאונג, קודם כל מיטן געזעלשאַפטליכן בנין. קיין ווידז איז דעלעגירט געוואָרן ה׳ קליאַנסקי. כדי צו אָרגאַניזירן צוזאַמען מיטן

דאָרטיקן קאָמיטעט די אויפבויאונגסאַרבעט.

אויף דער זיצונג פון 30־טן נאָוועמבער 1920 האָבן די ה״ה וויקטאָראָוו און וואַלק אָפגעגעבן אַ באַריכט וועגן זייער נסיעה קיין סמאָרגאָן־קרקע:

„סמאָרגאָן און קרקע שטעלן מיט זיך פאַר אַ בית־הקברות. אין ביידע ערטער געפינען זיך בלויז אַ פאָר פאַמיליעס. אַ טייל — אין די אַרומיקע דערפער. עס איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז בקרוב זאָלן צוקומען נייע רעעמיגראַנטן. וועגן געזעלשאַפטליכן בנין זיינען געווען צוויי מיינונגען: 1. פאַנאַנדערזעצן דעם געזעלשאַפטליכן בנין אויף 2 חלקים און איבערטראָגן אויף דער קרקע פאַר 2 נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס, וואָס וואַלגערן זיך אין גריבער. דער פאָרשלאָג איז מאָטיווירט געוואָרן מיט דעם, וואָס עס איז גאַנץ מעגליך, אַז דער בנין וועט במילא צונומען ווערן דורך דער אַרומיקער אָרימער באַפעלקערונג. 2. פאַרענדיקן דעם בנין, אויפן פאַל פון אַ צופלוס פון רעעמיגראַנטן, וואו זיי זאָלן געפינען די ערשטע צייט אַ מקום מנוחה. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען דעם צווייטן פראָיעקט, דהיינו פאַרענדיקן דעם בנין. כדי צו באַוואָרענען זיך פון מעגליכע גנבות, איז דאָרט באַזעצט געוואָרן צייטווייליק אַ רעעמיגראַנטן־פאַמיליע“.

אויף דער זיצונג פון 14־טן דעצעמבער 1920 גיט ה׳ קליאָנסקי אָפ אַ באַריכט וועגן זיין רייזע קיין ווידז:

„בסך־הכל זיינען שוין פאַראַן 49 רעעמיגראַנטן. נאָך 42 דאַרפן די טעג זיך אַריינקלייבן“.

לויט זיין פאָרשלאָג איז אַסיגנירט געוואָרן פאַר זיי אַ סומע געלט אויף נייע הייזער און רעמאָנטן. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו רעמאָנטירן אַ חרובע שול, וועלכע זאָל דינען אַלס צייטווייליקע היים פאַר די פערזאָנען, וועלכע האָבן בדעה אומצוקערן זיך.

פון די רעשטלעך געלטער זיינען אין אָנהויב 1921 אַרויסגעגעבן געוואָרן קליינע סומעס אין פאַרשיידענע ערטער אויף בעדער. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן קליינע תוספה־אַסיגנירונגען אויף צו ענדיקן די געזעלשאַפטליכע בנינים אין ווידז און סמאָרגאָן און פאַר פריוואַטע פערזאָנען אויף צו ענדיקן זייערע הייזער אין אָסטראָוועץ, ווישנעווע, אָפסע, סאַל און הײדוצישעק.

עס זיינען אויסגענוצט געוואָרן אַלע רעזערוון. דעם 3־טן מאַי 1921 איז באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן אויף דעם לאַגער פון מעדיקאַמענטן און פון די אויסגעלייזטע געלטער אַסיגנירן קודם כל אויף אויפבויאונג.

די אַרבעט האָט זיך געמוזט אָפשטעלן. צו גרויס איז געווען דער צופלוס פון רעעמיגראַנטן אין די חרוב־געוואָרענע ערטער און צו וויכטיק איז געוואָרן די אויפבוי־נויט, אַז מען זאָל איר קענען לינדערן, אגב־אורחא, מיט קליינע סומעס פון פאַרשיידענע אָפגעשפאָרטע געלטער. עס איז אָנגעשטאַנען אַ סטיכישער פראָצעס פון ווידער־אויפבוי, וועלכער האָט געמוזט דערליידיקט ווערן אַלס אַזעלכער. דאָס האָט באַוואויגן „יעקאָפאָ“ אָנצונעמען אַלע מיטלען, כדי צו קריגן געלטער אויף צו לעזן די ברענענדיקע פראַגע. די רעזולטאַטן האָבן ניט געלאָזן לאַנג אויף זיך וואַרטן.

פאַר די צייט, פון 15־טן יולי 1920 י. ביזן 1־טן יולי 1921, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די אָפגעשפאָרטע געלטער אַ סומע פון בערך 1238211 מאַרק אוער. וואַלאָריזירט, בערך 2200 דאָלאַר אויף בויען 31 וואוין־הייזער, 2 געזעלשאַפטליכע בנינים, 10 רעמאָנטן פון פאָלקסשולן און 7 רעמאָנטן פון בעדער.

דער סטיכישער פראָצעס פון רעפאַטריאַציע איז אויסגענוצט געוואָרן דורך „יעקאָפאָ“, ווי אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע ערשיינונג, וואָס דאַרף רעגולירט ווערן מער געזעלשאַפטליך ווי פילאַנטראָפיש און „יעקאָפאָ“ האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן נייע פאָרמען אין דער הילפס־טעטיקייט.

דער נאָוואָגרודקער רב, ר׳ מאיר אבאָוויטש, איינער פון די ערנסטע כלל־טוער, וועלכער האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט „יעקאָפאָ“, אָנהויבנדיק פון 1919, די פראַגע פון אויפריכטן די חורבונות אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן, שרייבט אין זיין באַריכט, צווישן אַנדערעס, פאָלגנדעס:

„אין מיין געדאַנק איז נאָך געבליבן דער אַלגעמיינער איינדרוק, וואָס האָט מיר געבראַכט צום קלאָרן באַשלוס, אַז ווען „יעקאָפאָ“ וואָלט אין 1919 יאָר ניט אָנגעהויבן אויף איר איינגענער אחריות די אויפבוי־אַרבעט מיט בעקאַרגטע מיטלען, וואָלטן נאָך עד היום געווען חרוב די צושטערטע שטעט און כחנות אָרימעלייט וואָלטן נאָך געלעגן אויס, סאָרק פון אונזערע ברידער אין אַמעריקע, אויב זיי וואָלטן אַפריער ניט אויסגעשטאָרבן פון צרות און קראַנקהייטן, געפינענדיק זיך אין אויסערגעוויינליכע אַנטיסאַניטאַרע באַדינגונגען, וואַלגערנדיק זיך אין חורבות און פייכטע קעלערן, וואָס האָבן געדינט אויף צו האַלטן קאַרטאָפל.

ווען ניט „יעקאָפאָ“ וואָלט מען, ביי די באַדינגונגען פון אונזער טרויעריקער ווירקליכקייט, אפשר גאָר ניט געקומען צו דער הכרה, אַז עס איז מעגליך צו העלפן די געליטענע פון דער מלחמה פון אונטערגאַנג און אייביקער אָרימקייט דורך אויפשטעלן די חרובע ווירטשאַפט, און אַז עס איז מעגליך מיט ניט גאָר גרויסע סומעס אויפריכטן די חרובע שטעטלעך. נאָר דאַן, ווען דער ד. ד. ק. האָט זיך איבערגעצייגט, וואָס „יעקאָפאָ“ האָט מיט קליינע מיטלען אויפגעטאָן, אויסהויבנדיק דורך אויפבויאונג פון די הייזער דעם וואוילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג, האָט ער גענומען גלויבן, אַז דער וועג איז דער בעסטער צו ראַטעווען די כחנות אומגליקליכע“.

אַ צווייטע פערזאָן, ה׳ אַבראַמסאָן פון קרעווע, וועלכער איז אויך איינער פון די ערשטע ביים אויפשטעלן זיין שטעטל, שרייבט:

„די ערשטע 50.000 מאַרק, וועלכע „יעקאָפאָ“ האָט אונז אַרויסגעגעבן אין יאַנואַר 1920 פאַר די ערשטע 23 בונים, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין דערבייאיקן דאָרף באַרון, האָבן געגעבן די מעגליכקייט, אַז מיט זייער הילף זאָלן אָפלעבן די אומגליקליכע, רואינירטע, וואַנדערנדע קרעווער יידן. מיט דאָס געלט איז געקויפט געוואָרן האָלץ און אַרויסגעפירט געוואָרן פון וואַלד. מיט דער איבעריקער הילף האָט קרעווע זיך ווייטער געבויט און אונזער שטעטל האָט גענומען בליען“.

די אָנגעהויבענע אויפבוי־אַקציע האָט באַוואויגן גאַנצע שטעטלעך אומצוקערן זיך פון די פאַרשיקטע און פאַרטריבענע ערטער, וואו זיי האָבן געלעבט אין דחקות און נויט, האָט געוועקט דעם פאַרשלאָפענעם מוט און געבראַכט צום לעבן פאַרפאַלענע מענטשן.

צווייטע תקופה.

אָנהויב 1921 יאָר האָבן גענומען בלאָזן אַנדערע ווינטן אין ד. ד. ק. אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען וועגן אָפשטעלן די תמיכה און איבערגיין אינגאַנצן אויף פראָדוקטיווע הילף. בהסכם מיט דעם האָט געדאַרפט איבערגעאַנדערט ווערן דער גאַנצער אָנפירנדער אַפאַראַט פון ד. ד. ק. ס׳איז געבילדעט געוואָרן אַ סטאַטיסטישער אַמט אין וואַרשע, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צוצוגרייטן דאַטן און מאַטעריאַלן אויפן יסוד פון שטרענגער סטאַטיסטיק,

וועלכע זאָל דינען פארן אויסגאנגס-פונקט פון דער ווייטערדיקער ארבעט. עס איז באשטימט געוואָרן א ספעציעלער דירעקטאָר איבער גאנץ אייראָפּע ה׳ לאנדעסקאָ, וועלכער האָט געדארפט אָנפירן מיט דער קאָנסטרוקטיווער ארבעט, צווישן וועלכער די אויפשטעלונג פון דער חרוב-געוואָרענער ווירטשאפט האָט געדארפט פארנעמען דעם אויבן-אָן.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאָזיקער באשטימונג איז דעם 16-טן פעװראל 1921 געשיקט געוואָרן א דעלעגאציע פון „יעקאָפאָ“ קיין װארשע, אין צוזאמענשטעל פון די ה״ה מ. שאליט און נ. קאָװארסקי, מיט א פולמאכט צו פירן אונטערהאנדלונגען וועגן אויפבויען די חרוב-געװאָרענע פון דער מלחמה שטעטלעך. דער עיקר איז די פראגע געוואָרן אקטועל, מער ווי אן אנדערש מאָל, צוליבן שלום פון פוילן מיט רוסלאנד. פון װארשע האָט די דעלעגאציע געזאָלט פאָרן קיין פאריז פירן די ווייטערדיקע אונטערהאנדלונגען פערזענלעך מיטן דירעקטאָריום פון ד. ד. ק. די נסיעה קיין פאריז איז נאָכדעם, צוליב פארשיידענע סיבות, אָפּגעלייגט געוואָרן. שפעטער האָט „יעקאָפאָ“ אויסגעארבעט א געוויסן מעמאָראנדום וועגן דער אויפבוי, וועלכער איז דעם 24-טן פעװראל 1921 יאָר אָפּגעשיקט געוואָרן קיין װארשע. אין מעמאָראנדום איז אָנגעװיזן געוואָרן, אז די ארבעט פירט שוין „יעקאָפאָ“ פון לאנג און איצט איז װיכטיק אן אַװאנס, אויב עס איז ניט מעגלעך ארויסצוגעבן די גאנצע געבעטענע סומע, כדי די ארבעט זאָל זיך ניט אָפּשטעלן.

אין פעװראל 1921 האָט באזוכט ווילנע דער דירעקטאָר פון יק״א אין פאריז ה׳ מאירסאָן. דער געגנט-קאָמיטעט האָט דעלעגירט די ה״ה מ. שאליט, נ. קאָװארסקי און מ. יעװזעראָװ, וועלכע האָבן אים אויספירליך באקאנט מיט דער אויפבויאונג אין די חרוב-געװאָרענע ערטער. איינצייטיק איז אויסגעארבעט געוואָרן א ברייטערער מעמאָראנדום צו יק״א, אין וועלכן עס איז געשילדערט געוואָרן די לאגע פון די שטעטלעך פאר דער מלחמה הן אין עקאָנאָמישער והן אין קולטורעלער הינזיכט, דערנאָך די פארשיידענע גירושים און ווייטער איז איבערגעגעבן געוואָרן די מארטיראָלאָגיע פון די איינוואוינער אין דער צייט פון מלחמה:

די איינװאוינער פון די שטעטלעך זיינען זיך דאָס רוב צולאָפן אונטערן האָגל פון קוילן, איבערלאָזנדיק האָב און גוטס אויף הפקר. א טייל זיינען פארוואָגלט און צושפרייט געוואָרן איבער מינסקער גוב. און אויף דעם אופן זיינען זיי לגמרי אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע אלטע היימען צוליב דער דייטשער אָקופאציע. אנדערע זיינען פארשיקט געוואָרן איבער געװאלט דורך די דייטשן אין טיף פוילן, גראָדנער און סובאלקער גוב. אין די נייע ערטער האָט זיך זיי געלעבט זייער שלעכט. דער גרעסטער טייל איז אָנגעקומען צו תמיכה. ניט קענענדיק צופאסן זיך צו די נייע לעבנס-באדינגונגען, האָט זיך ביי זיי אנטוויקלט א בענקעניש און א באדערפעניש אומצוקערן זיך א היים. די מער „גליקליכע“, וועלכע האָבן געפונען א חורבה, האָבן רעמאָנטירט אביסל דעם דאַך, דעם אויוון, דערשאָטן די ווענט מיט מאָך און געשאפן זיך א מין שטיקל „דירה“. ערגער איז געווען די לאגע פון די, וועלכע האָבן אפילו קיין סימן פון א חורבה אויך ניט געפונען: די האָבן זיך אויסגעזוכט א מקום מנוחה אין אן אָסאָפּע אָדער ערד-שטיבל. אנדערע האָבן זיך צונויפגעפרעסט צו 4 — 5 משפחות אין א קליינע דירהלע, צוליב װאָס עס זיינען פארשפרייט געוואָרן פארשיידענע קראנקהייטן און עפידעמיעס.

צום סוף ווערט גענוי אָנגעװיזן, וואָס איז שוין אויסגעטאָן געוואָרן דורך „יעקאָפאָ“ און וואָס עס ווערט פאָראויסגעזען, כדי צו העלפן ממשותדיק די צענדליקער ישובים און עס װערט געבעטן א גרעסערע הלוואה.

דערווייל איז אָנהויב מערץ 1921 פאָרגעקומען א קאָנפערענץ, צונויפגערופן פון ד. ד. ק., װאו פון די מיטטיילונגען פון די פארשטייער פון ד. ד. ק. האָט זיך ארויסגעװיזן, אז די ביז איצטיקע סיסטעם פון דער ארבעט ווערט אינגאנצן בטל. אז די תמיכות ווערט פון יולי 1921 ליקווידירט און ס׳ווערן געבילדעט באזונדערע דעפארטאמענטן פאר רעקאָנסטרוקטיווע הילף, היימלאָזע, יתומים-פארזאָרגונג און מעדיצינישע הילף.

די קאָנסטרוקטיווע ארבעט זאָל פארצווייגט ווערן אין 3 אָפּטיילונגען: 1) אויספאָרשונג, 2) אויפבויאונג און 3) קרעדיט-געברויכס-און פראָדוקציר-קאָאָפּעראציע. דאָס איז געווען דער ערשטער פאקטישער אָנזאָג אויף א נייע תקופה, אין א חודש שפעטער דעם 12 — 14 אפריל 1921 איז צונויפגערופן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון רעקאָנסטרוקטיווער הילף און צוגלייך אויך די ערשטע קאָנפערענץ פון ד. ד. ק., אויף וועלכער מען האָט זיך דערהויפט פארנומען מיט די פראגן, ווי אזוי אויפצוהויבן די חרוב-געװאָרענע יידישע ווירטשאפט. די אלע דעבאטן האָבן זיך געדרייט דער עיקר ארום דעם הויפּט-פונקט פון דער קינפטיקער באנק, וועלכע וועט דארפן פינאנסירן די ארבעט און אויך זיין די יורידישע פערזאָן, וואָס וועט ארויסגעבן דאָס געלט און איינמאָנען צוריק. די גאנצע קאָנפערענץ האָט געטראָגן א כאראקטער פון א פארבאראטונג און עס איז באשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן ניט שפעטער ווי אין צוויי חדשים ארום א צווייטע קאָנפערענץ, לויט א פעסטערן מאָדוס, וועלכע זאָל אקצעפטירן די אויסגעארבעטע פראָעקטן און אָנגענעמען די געהעריקע באשלוסן, וואָס זאָלן געבן די מעגליכקייט תיכף צוצוטרעטן צו דער פראקטישער אויפבוי-ארבעט. אָבער, צום באדויערן, איז אריבער א לאנגע צייט — און צו דער ארבעט איז מען ניט צוגעטראָטן.

דערווייל איז געקומען די הילף — פון יק״א. זי האָט צו דער נויטיקער צייט געפונען א פארשטענדעניש פאר דער זאך און האָט אלס ענטפער אויפן אויבנדערמאָנטן מעמאָראנדום און אלס רעזולטאט פון די מונדליכע געשפרעכן מיטן ה׳ מאירסאָן צוגעשיקט „יעקאָפאָ“ דעם 23-טן יוני 1921 א בריוו, אונטערגעשריבן דורך אירע פארשטייער אין װארשע ה״ה נאטאנזאָן און גאָלדע, אין װעלכן זי איז מודיע, אז עס איז באפרידיקט געוואָרן די בקשה און עס איז אסיגנירט אין רשות פון „יעקאָפאָ“ די געבעטענע הלוואה פון 300.000 פראנק אויף אויפצושטעלן די חורבונות פון דער מלחמה.

מיט דעם איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאר א פלאנמעסיקער אויפבוי-ארבעט אויף געזעלשאפטליכע יסודות.

די ערשטע יק״א-אקציע.

מיטן באקומען די הלוואה פון יק״א איז די אויפבוי-ארבעט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר-היום פון „יעקאָפאָ“ אין איר גאנצער ברייט. אויף דער זיצונג פון 7-טן יולי 1921 האָט זיך קאָנסטרויִרט א שטענדיקע אויפבוי-קאָמיסיע אין צוזאמענשטעל פון די ה״ה מ. שאליט, מ. יעװזעראָװ, נ. קאָװארסקי, ל. זאקהיים, א. לאנגבארט, א. קליאַנסקי, י. װאלק, אדװאָקאט י. יאָכװער און ארכיטעקטאָר פ. סמאָרגאנסקי, אויף אויסארבעטן די געהעריקע פראָיעקטן פון דער ארבעט.

אויף די ווייטערדיקע זיצונגען פון „יעקאָפאָ“ זיינען באשלאָסן געוואָרן די פראגן, װעלכע זיינען פארבונדן מיטן קאָנקרעטן דורכפירן די אקציע, ווי די געשעפטליכע באציאונגען צווישן „יעקאָפאָ“ און דער קאָאָפּעראטיווער פאָלקס-באנק, פראָצענטן פאר די הלוואות, אופן פון ארויסגעבן די

הלװאות, מאַקסימום פון דער הלװאה און טערמין.

די אויפבוי־קאָמיסיע האָט אויסגעטיילט פון זיך אַ סוב־קאָמיסיע אין צוזאַמענשטעל פון די ה״ה יעװזעראָװ, זאַקהיים, קליאַנסקי און װאָלק, װעלכע האָט זיך פאַרנומען דער עיקר מיט די אינדיװידועלע באַשטימונגען פאַר די בונים.

די באַשטימונגען פלעגן קאָנטראַסיגנירט װערן דורך דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון „יעקאָפּאָ״ ה׳ מ. שאַליט.

אין פּראָצעס פון דער װייטערדיקער אַרבעט איז קאָנקרעטיזירט געװאָרן פאָלגענדעס:

א) **ראַיאָן.** אַלס אַרבעטס־געביט, אויף װעלכן עס פאַרשפּרייט זיך די אַרבעטס־טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ״, איז באַשטימט געװאָרן װילנער און נאָװאָגרודקער געגנט:

1־טער ראַיאָן: סמאָרגאָן, װידז, װילייקע, הײדוציִשעק, זאַסקעװיטש, דיסנע, דרויע, דוקשט, װישנעװע, לעבעדעװע, פּאָסטאַװו, קרעװע, סאָל, שאַרקאָװשטשיזנע און אַנדערע.

2־טער ראַיאָן: ליובטש, קאָרעליטש, ליאַכאָװיטש, האָראָדישטש, סעליוב, סודעק, באָריסאָװקע, סטאָלאָװיטש, צירין און אַנדערע.

ב) **באַפולמעכטיקטע.** מיטן ערשטן ראַיאָן האָט זיך פאַרנומען א. קליאַנסקי, מיטן צװייטן ראַיאָן—י. װאָלק. די באַפולמעכטיקטע האָבן זיך דער עיקר באַשעפטיקט מיטן אויספאָרשן אויפן אָרט יעדן בונה באַזונדער און פעסטשטעלן זיינע נויטן און באַדערפענישן. אויפן סמך פון זייערע אויספאָרשונגען זײַנען געמאַכט געװאָרן די אַסיגנירונגען. חוץ דעם האָבן די באַפולמעכטיקטע גענומען אַן אָנטייל אין רעסטאַװרירן די אינסטיטוציעס, װי אויך בכלל אין אויפלעבן די געזעלשאַפטליכקייט פון דער שטעטל.

ג) **אויפבוי־קאָמיסיעס.** כדי די אַרבעט זאָל געפירט װערן אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון „יעקאָפּאָ״ זײַנען פון די הילפס־קאָמיטעטן אויסגעטיילט געװאָרן אָרטיקע אויפבוי־קאָמיסיעס, װעלכע פלעגן זיך איבערגעבן אינגאַנצן מיט דער אויפבוי־אַרבעט. זיי פלעגן אָננעמען בקשות פון די בונים, צוזאַמען מיט די באַפולמעכטיקטע פלעגן זיי אָנטייל נעמען אין אָנמערקן די אַסיגנירונגען, קאָנטראָלירן די אויפבוי־אַרבעט פון די יחידים און האָבן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט „יעקאָפּאָ״.

ד) **קרייז־קאָמיסיע.** צוליבן װייטן מרחק פון נאָװאָגרודקער ראַיאָן איז דורכגעפירט געװאָרן די גאַנצע אויפבוי־אַרבעט אין נאָװאָגרודאָק גופא, ניט באַמיטנדיק אויף אַזאַ אופן די בונים קיין װילנע. פון דער נאָװאָגרודקער קהילה איז אויסגעטיילט געװאָרן אַ קרייז־קאָמיסיע אין צוזאַמענשטעל פון הרב אַבאָװיטש, מ. אָסטאָשינסקי, שלום כהן און משה שימאַנאָװיטש. די קאָמיסיע האָט אַ סך אויסגעטאָן אין פאַרלייכטערן און פאַרגיכערן די אויפבוי־אַרבעט. הרב אַבאָװיטש און אָסטאָשינסקי זײַנען געװען די נאמנים אויף אויסצוגעבן די געלט־אַסיגנירונגען, װעלכע זײַנען צו יעדער צייט געלעגן אין זייער רשות. אויף דעם אופן פלעגט דער בונה תיכף באַקומען זיין הלװאה, װי נאָר ער האָט דורכגעפירט די פאָרמאַליטעטן ביים נאָטאַריוס. שלום כהן איז געװען דער אָנפירער פאַר דעם קאָנטראָל פון דער אַרבעט און שריפטליכע פאַרבינדונגען צװישן „יעקאָפּאָ״ און דער פּראָװינץ. ה׳ משה שימאַנאָװיטש האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן מיט דער יורידישער זייט פון דער אַרבעט און מיטן דורכפירן די גאַנצע פּראָצעדור ביים נאָטאַריוס, עלטערן נאָטאַריוס און היפּאָטעק.

ה) **יורידישע קאָמיסיע.** דער פאַרװאַלטער פון דער קאָמיסיע איז געװען אַדװ. יאַכװעד. די קאָמיסיע האָט געהאַט פאָלגנדע צילן: 1) דורכפירן די הלװאות פון די בונים ביים נאָטאַריוס און היפּאָטעק. 2) אין פאַל, אויב די בונים האָבן ניט קיין פּאַפּירן—באַקומען פאַר זיי די נויטיקע דאָקומענטן דורכן געריכט. 3) אונטערהאַנדלונגען װעגן אָנערקענען אַנדערע יורידישע דאָקומענטן, װאָס זאָלן דערמעגליכן דאָס אַרויסגעבן די הלװאה דעם בונה. 4) באַװאָרענען דאָס רעכט פון די פּעריזאַנען, װאָס זיצן אויף צינש־ערד, װאו עס דראָט זיי אַ געפאַר פון אָפּנעמען פון זיי די ערד, אויב דער אייגנטימער האָט אָנגעגעבן װעגן אָנערקענען זיין נחלה אין דער היפּאָטעק. 5) אויפקלערן די פאַרשיידענע יורידישע קאָמפּליקאַציעס פון דעם ערד־אייגנטום. 6) אויסאַרבעטן פאָרמולאַרן פון בקשות צום געריכט װעגן פאַרשיידענע פאָרמען פון ערד־באַניץ. דאָס אַלץ האָט פאַר זיך אַליין געהאַט אַ גרויסן װערט, חוץ דעם, װאָס עס האָט פאַרלייכטערט דעם בונה באַקומען די הלװאה. דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטליכע באַדייטונג פון באַװאָרענען די יורידישע רעכט אויף דער ערד, װעלכע זײַנען אין די קליינע שטעטלאַך שטענדיק געװען פאַרלאָזן. ס׳איז לכל הדעות איינע פון די װיכטיקסטע אויפטוען, אומאָפּהענגיק צו די פּעריזאָן האָט באַקומען אַ הלװאה אָדער ניט.

ו) **ציטװײַליגע קאָמיסיעס.** צוליב דער אינטענסיװיטעט פון דער אויפבוי אין יאָר 1921—1922 פלעגט מען פון מאָל צו מאָל פילן אַ נויטװענדיקייט אין באַשטימען ספּעציעלע ציטװײַליגע קאָמיסיעס מיט פאַרברייטערטע רעכט אָדער ספּעציעלע באַפולמעכטיגטע, װעלכע זאָלן אַ לייגערע צייט פאַרבלייבן אין ראַיאָן.

אַזוי איז אין יענער צייט באַשטימט געװאָרן אַ ציטװײַליקע קאָמיסיע פאַר נאָװאָגרודקער ראַיאָן מיטן זיץ־אָרט אין נאָװאָגרודאָק. אין קאָמיסיע זײַנען אַרײַן הרב מ. אַבאָװיטש, אַדװ. י. יאַכװעד און י. װאָלק, װעלכע האָבן געהאַט די פולע רעכט צו באַשטימען אויפן אָרט אַנטגילטיק די הלװאות, גלייך דורכפירן די הלװאות ביים נאָטאַריוס און אַרויסצאָלן דעם בונה תיכף ומיד די סומע. די קאָמיסיע האָט דאָרטן פאַרבראַכט 3 װאָכן צייט און דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי הלװאות אין ראַיאָן. אַזאַ קאָמיסיע מיט די זעלבע רעכט איז אויך באַשטימט געװאָרן פאַר דיסנע, און אין איר זײַנען אַרײַן די ה״ה א. קליאַנסקי און מ. אימיאַניסאָװ.

די טובה פון דער אַרבעט האָט אויך געפאָדערט, אַז אין גרעסטן אויפבוי־פּונקט פון יענער צייט, אין סמאָרגאָן, זאָל זיך שטענדיק געפינען אַ ספּעציעלער באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאָ״. אַלס אַזעלכער איז צום ערשטן באַשטימט געװאָרן ה׳ פ. אַנטאָװיל און נאָכדעם ה׳ ברודנאַ, װעלכע האָבן דאָרטן פאַרבראַכט צו אייניקע חדשים יעדערער.

ז) **באַראַטונגען װעגן אויפבוי.** צוליב דער איינהייטליכקייט פון דער אַקציע, װי אויך צוליב די גייע פּראָבלעמען, װאָס עס פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסגערוקט װערן אין פּראָצעס פון דער אויפבוי, זײַנען צונויפגערופן געװאָרן אין װילנע 2 פאַכמענישע באַראַטונגען פון פאָרשטייער פון די חרוב־געװאָרענע ערטער, װעלכע האָבן באַהאַנדלט די פראַגן און פעסטגעשטעלט די ריכטליניען פאַר דער װייטערדיקער אַרבעט. די ערשטע באַראַטונג איז צוזאַמענגערופן געװאָרן דעם 15־טן נאָװעמבער 1921, די צװייטע—דעם 11־טן אַפּריל 1923.

ח) **טעכנישע ביוראָ.** מיט דער טעכנישער זייט פון דער אַרבעט האָבן אָנגעפירט די אינזשענערן פ. סמאָרגאָנסקי און ב. ליפּאָװסקי, מיט דער באַטייליקונג פון צייכנער ה׳ קורגאַן. די פונקציעס פון ביוראָ זײַנען געװען פאָלגנדע: 1) צוזאַמענשטעלונג פון פאַרשיידענע פּראָיעקטן און פּלענער הן פון געזעלשאַפטליכע בנינים והן פון פּריװאַטע. 2) באַװוכונגען פון די חרוב־געװאָרענע שטעטלאַך מיטן צװעק צו געבן פאַרשיידענע

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

עצות און אָנווייזונגען. 3) די פאַרפּאַרטיקונג פון גאַנצע געבוי־טיילן, ווי טירן, פענסטער און דאַכלקעס. 4) צוזאַמענשטעלונג פון פאַרשיידענע ביוזשעטן אויף געזעלשאַפטליכע בנינים, וועלכע ווערן געבויט דורך „יעקאָפּאָ“.

ס) לאַגער פון מאַטעריאַלן. כדי צו פאַרלייכטערן די בונים אין איינקויפן בוי־מאַטעריאַלן איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער טעכנישער ביוראָ אַ ספּעציעלער לאַגער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפינען ברעטער, צוועקעס, גלאָז, אַלערליי שמידונג, טירלעך צו אויונס און נאָך. עס זיינען אויך פאַרפאַרטיקט געוואָרן,—צוליב מאַנגל פון סטאָליאַרעס אין די שטעטלעך,—טירן און פענסטער. אגב איז דאָ געלעבן נאָך אַ טיין: אויסאַרבעטן סטאָליאַרקע לויט אַ באַוואוסטער גרויס, כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרשענערן די בנינים. עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די דאַכלקעס־פּראָדוקציע, מיט וועלכער „יעקאָפּאָ“ האָט געמאַכט אַ פּרוב סוף 1921. עס זיינען איינגעקויפט געוואָרן ספּעציעלע מאַשינעס צו דעם צוועק, ווי אויך די נויטיקע אויסאַרבעטונגס־מאַטעריאַלן. די דאַכלקעס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין נאָוואָגרודאָק דורך אַ פאַכמאַן ה׳ טשיוש, פאַר יענעם ראַיאָן.

אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות, ווי דאָס פאַלן פון די מקחים אויף סחורה, וואַליוטע־ענדערונגען, דער מצב אין די שטעטלעך, טראַנספּאָרט־און לאָקאַלע באַדינגונגען וכדומה, זיינען דער לאַגער און די דאַכלקעס־פּראָדוקציע אינגיכן ליקווידירט געוואָרן.

י) באַדינגונגען. 1) כדי צו באַקומען אַ הלוואה האָבן זיך געפאָדערט נאָטאַריעלע אָדער היפּאָטעקאַרישע באַוואָרעניש. 2) די הלוואות זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף וואוין־הייזער און ווירטשאַפטליכע בוי־בנינים. 3) דער בנין האָט אומבאַדינגט בעדאַרפט אַסעקורירט ווערן. 4) דער טערמין פון אויסצאָלן די הלוואה איז ניט לענגער פון 5 יאָר. 5) צינזן פאַר דער הלוואה ווערן גערעכנט 9 פּראָצענט יערליך. 6) די גרויס פון דער הלוואה האָט לכתחילה דערגרייכט ביז 300.000 מאַרק. די סומע איז, אָבער, שטופנווייז געהעכערט געוואָרן בהסכם מיטן שטייגנדיקן יקרות אַזוי, אַז אויף אַ בנין האָט די הלוואה דערגרייכט, וואַלאָריזירט, ביז 120 דאָלאַר בערך. מען דאַרף נעמען אין אכט, אַז אין יענער צייט איז דער ווערט פון דאָלאַר געווען באַדייטנד העכער ווי איצט. 7) די הלוואה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 2 ראַטעס: די ערשטע ראַטע בשעת דער בונה האָט געהאַלטן דעם בנין ביי די פענסטער, די צווייטע — ביים דעקן דעם דאַך. אין אַנדערע פאַלן, דער עיקר ביי רעמאָנטן, פלעגט די גאַנצע סומע איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון דער אויפבוי־קאָמיסיע, וועלכע פלעגט צאָלן דירעקט די אַרבעטער אָדער איינקויפן מאַטעריאַל פאַרן בונה.

די הלוואות זיינען דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּוילישע מאַרקן און אומגעקערט געוואָרן אין פּוילישע מאַרקן. וועלכע ניט איז וואַליוטע־פאַרזיכערונגען זיינען לויט די גילטנדע געזעצן דאַן ניט געווען מעגליך. און וועגן קיין שום רעוואַלוואַציע האָט מען ניט געטראַכט און אויך ניט געקענט, צוזאַמען מיט דער גאַנצער מלוכה, איר פאַרהיטן, ווען זי איז געקומען.

די יק״אָ־געלטער האָבן, ווי געזאָגט, געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די אויפבוי־טעטיקייט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט אין די שטעטלעך. האַק און האַמער האָבן פאַרהילכט די לופט. די קבוצים האָבן זיך פאַרמערט און געוואַקסן. במילא האָט זיך גענומען פילן אַ מאַנגל אין בנינים פאַר פאָלקס־שולן, פייערלעשעריי, בעדער און צייטווייליקע געזעלשאַפטליכע בנינים פאַר הימלאָזע. ספּעציעלע מיטלען האָט „יעקאָפּאָ“ לחלוטין ניט געהאַט אויף די צוועקן. האָט מען קאָמבינירט: אַנטקעגנגעקומען מיט הלוואות אויף דער אחריות פון קהל, רעמאָנטירט אַלטע בנינים וכדומה.

די אַרבעט האָט זיך וואָס פון טאָג פאַרצווייגט און פאַרברייטערט. עס זיינען אַרויסגעשוואומען נייע פּראָבלעמען הן בנוגע יחידישע הייזער והן געזעלשאַפטליכע. די פּראַגן פון פאַרזאָרגן אַלץ און אַלעמען זיינען געוואָרן זייער אַקטועל און האָבן געמוזט געפינען זייער גואל. די אָנגענומענע מיטלען האָבן געהאַט אַן ערפאָלג פאַר דער זאַך. דאָס זיינען, אָבער, קאַפּיטלען פאַר זיך.

פאַר די צייט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די יק־א־געלטער בערך 163,189.000 מאַרק אָדער, וואַלאָריזירט, בערך 38800 דאָלאַר אויף בויען 791 וואוין־הייזער, 9 רעמאָנטן פון פאָלקסשול־בנינים, 5 רעמאָנטן פון בעדער, 2 געזעלשאַפטליכע בנינים, 1 ברונים און מכשירים פאַר פייערלעשעריי.

לאָנדאָנער אַקציע.

מיר האַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען מיט איניקע ווערטער וועגן דעם, וואָס ס׳איז אויפגעטאָן געוואָרן אין הינזיכט פון אויפבוי־צוועקן אויף די געלטער פון לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט, הגם די אַקציע פון דעם קאָמיטעט האָט זיך, הויפּטזעכליך, אויסגעדריקט אין געבן מאַטעריעלע הילף די אוקראַינער הימלאָזע און מיט דער אויפבוי־אַרבעט האָט עס פאָרמעל קיין שייכות ניט געהאַט.

„יעקאָפּאָ“ האָט, אָבער, בהסכם מיט אירע פּרינציפּן אויך דאָ מיטגעהאָלפן איניקע געליטענע אין אוקראַינע רעפּאַטריאַנטן אויפצובויען זייערע הייזער, און האָט אויך באַנוצט אַ טייל געלט אויף בויען די געזעלשאַפטליכע בנינים פאַר הימלאָזע.

בסך־הכל איז פון די לאָנדאָנער געלט אַרויסגעגעבן געוואָרן 5526000 מאַרק אָדער, וואַלאָריזירט, בערך 1670 דאָלאַר, אויף בויען 9 וואוין־הייזער, 5 געזעלשאַפטליכע בנינים, 2 רעמאָנטן פון בעדער, 2 אייזקעלערס און 1 רעמאָנט פון אַ פאָלקסשול.

ד. ד. ק.־הימלאָזע־דעפּאַרטאַמענט.

(רעעמיגראַנטן־אויפבוי־אַקציע)

אין דערזעלבער צייט, ווען די אַרבעט אין רעקאָנסטרוקציאָן דעפּאַרטאַמענט איז געווען פאַראַליזירט און האָט אפילו געבראַכט צו דער פונאַנדערלאָזונג פון געזעלשאַפטליכן צענטראַל־קאָמיטעט פאַר אויפבוי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער אַפּריל־קאָנפערענץ, איז די הימלאָזע־אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. געגאַנגען איר וועג און פיבערהאַפט געאַרבעט אויף אַלע געהעריקע געביטן, אויסצייכענענדיק זיך מיט געזונטע טעמפּאָ פון איר טעטיקייט און שטיצנדיק זיך אויף לעבעדיקע אָרטיקע כוחות, וועלכע זיינען בלב ונפש געווען איבערגעגעבן דער זאַך. חוץ זיין אייגנטליכער גיכער הילף, אַלס פילאַנטראָפּישע אַקציע, וועלכע דער הימלאָזע־דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד. ק. אין פוילן האָט אַנטוויקלט אין ברייטן פאַרנעם און מיט גרויס ערפאָלג, האָט נאָך דער דאָזיקער דעפּאַרטאַמענט, אונטערן דרוק פון די געשעענישן, זיך פאַרנומען מיט אַ ריי פּראָדוקטיווע אַרבעטן אויפן הימלאָזע־געביט. צו די דאָזיקע קאָנסטרוקטיווע אַרבעטן געהערן בלי ספק די אַסיגנירונגען אויף הייזער־אויפבוי פאַר די שוואַכסטע גרופּעס פון די רעעמיגראַנטן, וואָס איז איינגעשלאָסן געוואָרן דאַנק „יעקאָפּאָ“, אַלס טייל פון דער הימלאָזע־אַרבעט פון ד. ד. ק.

א. הייזער־אויפבוי.

„יעקאָפּאָ“ האָט זיך גענויטיקט אין די אַסיגנירונגען צוליב פאָלגנדע טעמים: לויט די תנאים פון יק״א האָט דער בונה געקענט באַקומען די הלוואה, נאָר בעת ער האָט געהאַט לכל הפחות אייגענע

די וואָינונגען פון די יידישע רעפּאַטריאַנטן ביז דער אויפבויאונג.



רעעמיגראַנטן-פאַמיליעס וואוינען אין אָקאָפּעס, טראַנשייעס, איבערגעבליבענע פון דער דייטש-רוסישער מלחמה (סמאָרגאָן).



רעעמיגראַנטן-פאַמיליעס וואוינען אין קעלער-חורבות פון געוועזענע מויערן (סמאָרגאָן).



א רעעמיגראַנטן-פאַמיליע וואוינט אין אַ קעלער, וואו מען
פלעגט האַלטן קאַרטאָפל (סמאָרגאָן).



א רעעמיגראַנטן-פאַמיליע וואוינט אין א צונויפגעקלאַפּטן
צייטווייליקן טשולאַן (סמאָרגאָן).

געהילף. דאָס געלט פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן דעם בונה ביים האַלטן דעם בנין ביי די פענסטער. ערשטנס, צוליב זיכערקייט, אַז דאָס געלט וועט פאַרטאָן ווערן נאָר אויפן בנין און צוליב וועקן די איניציאַטיוו פון בונה און, צווייטנס, צוליב דעם, אַז דער בונה זאָל זיין מער פאַראינטערעסירט אין ענדיקן דעם בנין, היבאַלד ער לייגט אַריין אין אים אייגענע קאַפּיטאַלן. עס זיינען, אָבער, געווען צווישן די רעעמיגראַנטן אַזוינע פאַמיליעס, מערסטנטייל אָקאָרשט צוריקגעקערטע פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן ניט געהאַט די ערשטע פרוסה אויף דערנערונג. וועגן געהילף קריגן איז אָפּגערעדט. די פּערזאָנען פלעגן זיך אַריינקלייבן אין די געזעלשאַפטליכע בנינים, וועלכע זיינען דורך „יעקאָפּאָ“ ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן אָדער, בלית ברירה, אין קעלערן אָדער חורבות. כמעט זיי אַלע פלעגן באַקומען תמיכה. פאַרשטייט זיך, אַז בויען הייזער איז פאַר דעם עלעמענט געווען אַ גאָר ווייטער אידעאַל. לאַנג, אָבער, האָט די לאַגע אַזוי ניט געקענט בלייבן. מען האָט געמוזט געפינען אַן עצה. אַרויסגיין פון דער שווערער לאַגע איז געווען מעגליך נאָר באופן, אַז מען זאָל געפינען אַ קוועלע אויף אויסצולייען די ערשטע סומע, ספּעציעל אויף געהילף פאַר די באַטראָפענע בונים.

אין דער עת צרה האָט זיך אָנגערופן דער היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד.ק. אין וואַרשע.

דעם 11-טן מאַי 1922 איז דערלאַנגט געוואָרן דעם אויבנדערמאָנטן דעפּאַרטאַמענט אַן אויספירליכער מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס זיינען ברייט איבערגעחזרט געוואָרן די מאָטיוון, וועלכע ה' שאַליט האָט פאָרמולירט מינדליך מיט אַ קורצער צייט פריער, זייענדיק ספּעציעל דעלעגירט צוליב דעם קיין וואַרשע. נאָכדעם איז באַלויכטן געוואָרן מיט ציפער און פאַקטן די נויטווענדיקייט, וואָס גיכער צו בויען הייזער פאַר רעעמיגראַנטן: „סיהאַנדלט זיך, ווערט דאָרט געזאָגט, וועגן אויפבויען הייזער, ניט בכלל אַלס בוי-אַקציע, נאָר אויסשליסליך פאַר רעעמיגראַנטן, וואָס זיינען אין משך פון לעצטן יאָר געקומען נאָך יאָרן גע-וונד און אומגעהויערע יסורים, צוריק אין זייערע היימען, וואו זיי האָבן געפונען חורבות און זיינען געצוואונגען גרעסטנטיילס צו וואַלגערן זיך אין די געוועזענע דייטשע אָקאָפּעס אָדער אין געזעלשאַפטליכע בנינים, וואו אַזוינע זיינען שוין פאַראַן. די אויפבויאונג פון הייזער פאַר די עלעמענטן איז די איינציקע און זיכערסטע סאָרט צו שאַפן פאַר זיי אַ מענטשליך לעבן און שטעלן זיי אויף די אייגענע פיס אָן קיין שום נויטיקייט פון אַ וועלכער ניט איז שטיצע אויף ווייטער. אַזאַ אַרבעט איז בעצם די דירעקטע אויפגאַבע, אין ברייטן און מער קאָנסטרוקטיוון זין, פון דער היימלאָזע-אָפּטיילונג פון ד. ד. ק., וועלכע קען באַטראַכטן די אַקציע אַלס שנעלע אויסבויענדיקע הילף“.

ווייטער רעדט זיך וועגן דעם, אַז די אַקציע פון יק״א, וועלכע האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן, באַווייזט די פולשטענדיקע ריכטיקייט פון דער הנחה, אַז די אויפשטעלונג פון הויז איז אַ זיכערע עקסיסטענץ פאַר דעם רעעמיגראַנט; אַדאַנק דער הילף וועט ניט נאָר אויסגעטאָן ווערן אַ גרויסע זאַך אויף לאַנגע צייטן, נאָר מען וועט זיך גלייכצייטיק באַפרייען אויף שטענדיק פון אַ גרויסער צאָל פּאַציענטן.

אין זעלבן מעמאָראַנדום איז שוין אויך אָנגעמערקט געוואָרן די פראַגע וועגן געזעלשאַפטלעכע בנינים פאַר רעעמיגראַנטן און בנינים פאַר פאָלקסשולן. דער טראָפּ איז, אָבער, געשטעלט געוואָרן אויף הייזער פאַר יחידים.

דער מעמאָראַנדום האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקע פאַראינטערעסירונג הן מיטן חידוש פון פּראָיעקט והן מיט זיין וויכטיקייט. דער פאָרשטייער פון דער היימלאָזע-אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. אין ווילנע, ה' יוסף ווערניק, באַזוכנדיק אַמאָל די אויפבוי-פּונקטן און אויף דעם אופן זייענדיק נאָענט באַקאַנט מיט די נויטן און עלעמענטאַרע באַדערפענישן פון די היימלאָזע, האָט געשטיצט שטאַרק דעם מעמאָראַנדום. דאָס אַלץ האָט באַוויזן די היימלאָזע-אָפּטיילונג ערנסט צו באַטראַכטן דעם פּראָיעקט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער דירעקטאָר פון היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט אין אייראָפּע ה' בערנהאַרד כהן באַזוכט ווילנע און נאָכדעם סמאָרגאָן, כדי פּערזענליך זיך צו באַקאַנען מיט דער לאַגע. אַלס רעזולטאַט פון דער נסיעה איז געשלאָסן געוואָרן דעם 22-טן מאַי 1922 צווישן „יעקאָפּאָ“ און ד.ד.ק. אַ צייטווייליקער אָפּמאַך, וועלכער איז נאָכדעם מיט קליינע שינויים באַשטעטיקט געוואָרן, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוהייבן אַ נייע אויפבוי-אַקציע, וועלכע מיר באַצייכענען מיטן טערמין: „רעעמיגראַנטן-אַקציע“.

די וויכטיקסטע פּונקטן פון אָפּמאַך זיינען פאָלגנדע:

1) די היימלאָזע-אָפּטיילונג פון ד.ד.ק. אַסיגנירט אויף דער אַקציע 100.000,000 מאַרק.

2) די גאַנצע אויפבוי-אַקציע האָט אַלס אויסגאַנגס-פּונקט די שנעלע און ממשות'דיקע באַזאָרגונג מיט הייזער אַ וואָס גרעסערע צאָל אומפאַרמעגליכע רעעמיגראַנטן און אין דער ערשטער ריי רעעמיגראַנטן, וואָס האָבן אַ פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונג, דהיינו: בעלי-מלאכות, אַרבעטער, ערד-אַרבעטער, קרעמער.

3) דאָס געלט ווערט געגעבן די בונים אַלס הלוואות אין דער נאָרמע פון דורכשניטלעך 500.000 מאַרק אויף 5 יאָר. אין די פאַלן, ווען די אויפבויאונגס-קאָמיסיע פון „יעקאָפּאָ“ געפינט פאַר נויטיק, קענען אַרויסגעגעבן ווערן גרעסערע הלוואות ביז 1,000.000 מאַרק מיט אַ פּראָלאָנגאַציע פון 5 אויף 7 יאָר.

4) די סומע, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דעם בונה, דאַרף באַטרעפן בערך ביז 75 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער סומע, וואָס באַטרעפט דער בנין.

5) עס ווערט אָנערקענט פאַר אומבאַדינגט נויטיק, אַז אין יעדן ניי-אויפגעבויטן בנין זאָל דער בונה אַריינלאָזן אַ שכן, לויט די אָנווייזונגען פון דער אויפבוי-קאָמיסיע פון „יעקאָפּאָ“ צוזאַמען מיטן אָרטיקן קאָמיטעט.

6) אין אויסנאַמס-פאַלן (אויב דער בונה באַזיצט ניט קיין פּאַפּירן) קען מען זיך אויך באַגנוגן מיט זשיראַנטן.

7. די נאָטאַריעלע הוצאות אויף באַוואָרענען די הלוואות ווערן געדעקט פון דער היימלאָזע-אָפּטיילונג פון דזשוינט.

אין אָפּמאַך זיינען קענטיק די פאַרשיידענע הנחות, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן די רעעמיגראַנטן-בונים, לגבי די לוחים פון יק״א-פאָנד: די הלוואה אַ גרעסערע: אַ לענגערער טערמין פון אויסצאָלן די הלוואה; די, וועלכע האָבן ניט קיין פּאַפּירן, באַקומען די הלוואה אויף זשירעס. אָבער דערפאַר דאַרפן זיי קאָמפּענסירן מיט אַ פּונקט לטובת די פּערזאָנען, וועלכע האָבן בשום אופן קיין מעגליכקייט ניט צו בויען אַ הויז: למשל, צוליב אַלטקייט, אָדער האָבן קיין פּלאַץ ניט. די פּערזאָנען מוזן אַריינגענומען ווערן אַלס שכנים, פאַרשטייט זיך, פאַר ניט קיין גרויסע דירה-געלט.

דער רעזולטאַט פון דער אַרבעט איז געווען אַ גלענצענדער. עס האָבן זיך איינגעאָרדנט אַ סך רעעמיגראַנטן-פאַמיליעס און דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן.

אין משך פון דער צייט, צוליב דער אינטענסיוויטעט און ערפאָלג פון דער אַקציע, האָט דער ד. ד. ק. געגעבן אַ הוספה-אַסיגנירונג, וואָס האָט געמאַכט מעגליך די אַרבעט צו פאַרענדיקן.

די איבעריקע פונקטן, וועלכע זיינען באַרירט געוואָרן אין מעמאָראַנדום, — בנינים פאַר פאָלקסשולן און געזעלשאַפטליכע בנינים — זיינען געבליבן ניט פאַרענטפערט.

דעם 2—3 אויגוסט 1922 האָט חילנע און סמאַרגאָן באַזוכט דער דירעקטאָר פון היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט אין פּוילן ה' ז. שווייצער. „יעקאָפּאָ" האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און איינגעאָרדנט דעם 3-טן אויגוסט 1922 אַ געמיינזאַמע זיצונג, אויף וועלכער ס'איז דעצידירט געוואָרן דער גורל אויך פון די אויבנדערמאָנטע ענינים אין פּאָזיטיוון זין.

ב. בנינים פאַר קינדער (פאָלקסשולן).

די פראַגע וועגן בנינים פאַר פאָלקס-שולן האָט געהאַט פאַר די חרובֿע שטעטלעך אַן ערשטקלאַסיקע באַדייטונג.

די קינדער פלעגן זיך וואַלגערן אין די גאַסן און דעמאָראַליזירט ווערן אונטער דער שלעכטער השפּעה פון די שטעטלשע מערק.

פריער איז שוין פאַרנאָטירט געוואָרן, אַז „יעקאָפּאָ" האָט אָנגענומען מיטלען די זאַך צו ערליידיקן. דאָרט איז, אָבער, געגאַנגען דער עיקר וועגן רעמאָנטירן אַלטע בנינים, אויף וואָס ס'האָבן זיך געפאָדערט קליינע סומעס און „יעקאָפּאָ" האָט געהאַט ביכולת צו לינדערן די נויט פון אייגענע אָפּגעשפּאָרטע מיטלען אָדער אַנדערע באַגרענעצטע קוועלן. איצט האָט זיך, אָבער, געהאַנדלט וועגן אַ ברייטן פאַרנעם. וועגן בויען ספּעציעלע בנינים פאַר פאָלקס-שולן. אַלס אַקציע צו ראַטעווען די רעעמיגראַנטן-קינדער. אין זין פון גיכער הילף און ניט אויף קרעדיט-יסודות.

אייגנטליך איז דאָ פאַרשטאַנען געוואָרן די אַקציע ניט נאָר אַלס אויפבויאונג פון פאָלקסשולן, נאָר ברייטער — פון „בנינים פאַר קינדער". וואו זיי זאָלן זיך אויפהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אונטער דער השגחה פון דערציער און אויסגעהיט ווערן פון די הפקרות פון גאַס.

דער געדאַנק איז ברייט פאָרמולירט געוואָרן דורך די ה"ה מ. שאַליט און י. וואַלק אויף דער אויבנדערמאָנטער זיצונג, וואו ס'האָט סוף כל סוף מנצח געווען דער שטאַנדפּונקט פון „יעקאָפּאָ" און ה' ז. שווייצער האָט מבטיח געווען צו אַסיגנירן אויף דעם צוועק אַ געהעריקע סומע געלט.

מיט דעם איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר די קינפטיקע פאָלקס-בנינים, וועלכע זיינען געוואָרן אַ מזל-ברכה פאַר דער שטעטל. די בנינים האָבן אין זיך קאָנצענטרירט חוץ דעם

אינטערנאַט אָדער דער פאָלקס-שול אויך די ביבליאָטעק, דראַמאַטישן קרייז, ועד הקהל און פאָלקס-באַנק. דער פּלאַן פון בנין איז קאָמבינירט געוואָרן אַזוי, אַז אַלע אַנשטאַלטן זאָלן אין אים געפינען גענוג פּלאַץ. די ערשטע סומע געלט איז, פאַרשטייט זיך, געווען נאָר אַ גוטע התחלה. די בנינים האָבן איינגעשלונגען אַ שלל געלט, נאָר דאָס איז אַלץ כּלאַ, לגבי די געוואַלדיקע נוצן, וואָס זיי האָבן געבראַכט אין שטעטל, אַריינטראָגנדיק אין איר לעבן און מונטערקייט און גרופּירנדיק אַרום זיך דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון די לעבעדיקע כּחות, וואָס די שטעטלעך פאַרמאָגן.

די אָרטיקע קהילות, איז חוץ דעם, וואָס זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין בויען די בנינים, האָבן אויך געגעבן די פּלעצער פאַר די בנינים.

גענויער וועגן די בנינים ווערט גערעדט אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל.

ג. געזעלשאַפטליכע בנינים.

דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מקום-מקלט פאַר רעעמיגראַנטן אויף דער קורצער צייט, וואָס זיי דאַרפן פאַרברענגען, ביז זיי וועלן אויפבויען זייערע בנינים. דער היינס איז אייגנטליך שוין געלייזט געוואָרן פון פריער אַדאַנק אייגענע מיטלען אין דער עיקר די יק"אַ-הלוואות, וואָס איז צו זען פון די פאָריקע קאַפּיטלען. דאָ האָט זיך גערעדט וועגן סמאָרגאָן, פאָראויסזעענדיק אַ מעגליכן צופלוס פון נייע רעעמיגראַנטן. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן בנינים, כּדי מען זאָל ניט געשטעלט ווערן פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. היות ווי דער עיקר-צופלוס איז געווען מעגליך פאָרלויפיק אין סמאָרגאָן, איז רעמאָנטירט געוואָרן צו דעם צוועק די דאָרטיקע שעכט-הויז, ווי אויך אַ ריי אַנדערע בנינים.

ד. אַנדערע מינים אויפבוי-הילף.

„יעקאָפּאָ" האָט אויך אויף די מיטלען פון דער היימלאָזע-אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. מיטגעהאָלפן אויפצובויען 5 בעדער אין די וויכטיגערע רעעמיגראַנטן-שטעטלעך. אַדאַנק דער התחלה זיינען די בעדער נאָכדעם אַנטגילטיק פאַרענדיגט געוואָרן אויף די מיטלען פון דער מעדיצינישער אָפּטיילונג פון ד. ד. ק.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַן אויסנאַמס-פאַל, אַז בעת זומער 1922 האָבן אין גלובאָקע אָפּגעברענט קרוב צו 100 הייזער. האָט זיך איינגעגעבן ווירקן אויף די היימלאָזע-אָפּטיילונג פון ד. ד. ק., אַז זי זאָל אַסיגנירן בתורת הלוואה אַ גרעסערע סומע געלט אויף אָפּצובויען די חורבות, הגם די בונים זיינען ניט געווען קיין דירעקטע מלחמה-קרבנות.

כּדי צו געבן אַ פולשטענדיקן בילד פון דער אויפבוי-טעטיקייט מוזן מיר צום סוף דערמאָנען אויך די אַסיגנירונגען אויף יחידישע בנינים פון קריסטן.

אין דער אויפבוי-אַרבעט האָט מען זיך אָפּט אָנגעשטויסן אויף דער ערשיינונג, וואָס קריסטן פלעגן זיך ווענדן נאָך הלוואות און די יידישע באַפעלקערונג פלעגט שטיצן זייערע בקשות.

אויף דעם צוועק איז אַסיגנירט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געוויסע סומע געלט.

פון די סומעס, וואָס זיינען אַסיגנירט געוואָרן אויף אויפבוי דורך דעם היימלאָזע-דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד. ק., האָט „יעקאָפּאָ" אַרויסגעגעבן אויף בויען 176 וואוין-הייזער, 9 בנינים פאַר קינדער (פאָלקסשולן), 5 רעמאָנטן פון בעדער און 3 געזעלשאַפטליכע בנינים. ס"ה דאָלאַריזירט, בערך 41600 דאָלאַר.

ד. ד. ק. קאָנסטרוקטיווער דעפּאַרטאַמענט.

א. ערשטע אַקציע.

אָנהייב אויגוסט 1922 איז דער קאָנסטרוקטיווער דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד. ק. ענדליך צוגעטראָטן צו ממשותדיקער אַרבעט.

„יעקאָפּאָ" האָט גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דירעקטאָר פון אָנגערופענעם דעפּאַרטאַמענט, ה' פּרויגר, וועלכער האָט סוף אויגוסט 1922 איינגעלאַדן אַ פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ" קיין וואַרשע מיטן ציל צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן הלוואות פאַר די בונים.

איינצייטיק האָט „יעקאָפּאָ" אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט מיט די געהעריקע דאַטן פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט. אין פּראָיעקט איז, אגב, אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט דאַרף זיך ניט באַגרענעצן מיטן אויפבוי בלויז פון הייזער און ביי-בנינים, נאָר זי דאַרף זיך אויך פאַרשפּרייטן אויף רעסטאַווירן בנינים פון קלענערע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וועלכע וועלן פונקציאָנירן און באַרייכערן די געגנט, ווידער אויפשטעלן די יידישע חרובֿע ווירטשאַפט און פאַרשטאַרקן דערמיט די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

ה' שאַליט, וועלכער איז דורך „יעקאָפּאָ" דעלעגירט געוואָרן קיין וואַרשע, האָט דערגרייכט אַן אָפּמאַך מיט דער קאָנסטרוקטיווער אָפּטיילונג, לויט וועלכן עס איז געזיכערט געוואָרן אַ סומע פון 300.000,000 מאַרק אויף הייזער. דאַקעגן איז דער פּלאַן וועגן אויפשטעלן די אינדוסטריעלע בנינים ניט פאַרווירקליכט געוואָרן.

טיפּן פון אויפגעבויטע בנינים אין די חרוב־געווארענע פון דער מלחמה שטעטלעך.



די רעעמי־גראנטן פאמיליע פון ש. ק. (אלמנה) וואוינט אין א קליינער צייטווייליג־אויפגעבויטער כאטקע. רעכטס זעען זיך די רואינען פון אלטן ליטווישן שלאס. לינקס אן אקאפע, הינטער וועלכער ס׳זעט זיך א טייל פון דער אויסגעבויטער געמויערטער באד (קרעווע).



די אויפגעבויטע הויז פון ג. ס. (ליובטש).



רעכטס — די אויפגעבויטע הויז פאר היימלאזע. אין צענטער דער רעמאנטירטער בית־מדרש, אין וועלכן ס׳פלעגן צייטווייליק באזעצט ווערן די ניי־אנקומענדיקע רעפּאַטריאַנטן. לינקס — דער חרוב־געווארענער בית מדרש (סמארגאן).



די אויפגעבויטע הויז פון א. פ. (קארעליטש).



רעכטס — די אויפגעבויטע געמויערטע באד. לינקס — די חרוב־געווארענע באד (סמארגאן).



די אויפגעבויטע הויז פון ר. ק. (ליאכאוויטש).

די אַרבעט האָט זיך געפירט זייער אינטענסיוו. עס איז געווען די הייסע צייט פון דער אויפבוי. הונדערטער הייזער האָבן זיך געהאַלטן אין מיטן בויען אויף די מיטלען פון אַלע 3 פאָנדן: יק״ג, „רעעמיגראַנטן“ און „קאָנסטרוקטיווע“. צענדליקער מענטשן פלעגן שטענדיק באַלאַגערן „יעקאָפאָ“ מיט בקשות וועגן בויען הייזער. מען דאַרף מודה זיין, אַז די באַציאונג פון דער קאָנסטרוקטיווער אָפטיילונג פון ד. ד. ק. צו „יעקאָפאָ“ איז צו יענער צייט געווען זייער אַ גוטע. אַלע בקשות פלעגן ערפילט ווערן און עס זיינען ניט געמאַכט געוואָרן קיינע שום שוועריקייטן אין דער אַרבעט.

סוף 1922 איז דורך „יעקאָפאָ“ צוגעשטעלט געוואָרן אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף די נויטן פון די שטעטלעך צוגלייך מיט אַסעקוראַציע אויך אין פייערלעשער־מכשירים, נעמענדיק דערהויפט אין באַטראַכט, אַז די הייזער זיינען הילצערנע און אָנווייזנדיק אויף די גוואַלטיקע סכנה פון שריפות אין אונזערע שטעטלעך, וואו די אויפבוי־אַרבעט קען אין איין אומגליקליכן טאָג פאַרניכטעט ווערן. דער מעמאָראַנדום איז אויפגענומען געוואָרן זייער ערנסט און אין דער הינזיכט האָט געזאָלט אַ סך געטאָן ווערן.

ליידער, איז ניט באַשערט געווען, אַז די אַרבעט זאָל זיך רואיק און נאָרמאַל אַנטוויקלען. דער פוילישער מאַרק איז געפאַלן פון טאָג צו טאָג און די לאַגע פון דער אויפבויאונגס־אַקציע איז צוליב דעם געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלע. אנשטאָט די אַנטליענע גרויסע סומען האָבן זיך געזאָלט אומקערן נישטיקע מטבעות, וואָס עס וואָלט אוממעגלעך געמאַכט צו געבן ווייטערדיקע אַסיגנירונגען.

די אויפבוי־אַרבעט פון ד. ד. ק. האָט זיך דערווייל פאַרשפרייט, ווי מען האָט געקענט פאָראויסזען, אין גאַנץ גאַליציע און אויף די מזרח־קרעסן און עס האָט געזאָלט אַנטשטיין אַ גראַנדיעזע אַקציע.

דאָס אַלץ האָט געפאָדערט אַ באַזונדערע באַציאונג צו דער ווייטערדיקער אַרבעט. מען האָט געמוזט אויסגעפינען מיטלען, ווי אַזוי זיך זיכערן פון דער אַנטווערטונג פון פוילישן מאַרק און אויך אויסאַרבעטן פלענער בהסכם מיט דער פאַרברייטערטער אויפבוי־אַרבעט.

צו דעם צוועק איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון די אַלע פאַקטישע טוער אויף דעם געביט, ווי אויך כלל־טוער, וועלכע זאָלן געמיינזאַם באַטראַכטן די אויבנדערמאָנטע וויכטיקע פראָבלעמען.

ב. אויפבוי־קאָנפערענץ.

די אויפבוי־קאָנפערענץ איז צונויפגערופן געוואָרן אויפן 9—10־טן מאַי 1923 אין וואַרשע, און אין איר האָבן זיך באַטייליגט בערך 60 דעלעגאַטן.

ביידע טעג האָבן געאַרבעט קאָמיסיעס פון פאַך־מענער און אַלס רעזולטאַט פון זייער אַרבעט זיינען אָנגענומען געוואָרן, צווישן אַנדערע, רעזאָליוציעס, וועלכע האָבן געזיכערט די ווייטערדיקע אַרבעט.

די וויכטיגסטע פון די רעזאָליוציעס זיינען פאָלגנדע:

1. „די הלוואות אויף אויפבויאונג זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אין פוילישע זלאָטעס, באַוואָרענענדיק זיי מיט היפאָטעק. 2. די מאַקסימאַלע גרויס פון אַ הלוואה קאָן ניט איבערשטייגן דעם ווערט פון 200 דאָל. 3. דער מאַקסימאַלער טערמין, אויף וועלכן עס קען אַרויסגעגעבן ווערן אַ הלוואה, איז 7 יאָר. 4. פאַר דער הלוואה ווערט גענומען 6 פראָצענט יערליכע (חוץ אַדמיניסטראַטיווע הוצאות). 5. ביים בויען די הייזער מוזן אָפגעהיט ווערן אַ ריי טעכנישע און היגיענישע באַדינגונגען. 6. די קאָנפערענץ באַשליסט, אַז אין אויסנאַמס־פאַלן קען מען אַרויסגעבן 250 זלאָטעס אויף זשירעס. 7. בונים־רעפאַטריאַנטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, אָנהייבנדיק פון יולי 1922, זאָל מען קענען אַרויסגעבן הלוואות ביז 75 פראָצ. פון ווערט פון בנין.“

אייגנטליך, זיינען די אויבנדערמאָנטע תנאים פאַר „יעקאָפאָ“ ניט געווען קיין נייס. נאָך פריער, דעם 11־טן אַפריל 1923 יאָר, האָט „יעקאָפאָ“ צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון די חרוב־געוואָרענע ערטער אין איר ראַיאָן וועגן די נייע אויפבוי־באַדינגונגען. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן די פרינציפיעלע הסכמה, אַז די הלוואות דאַרפן אַרויסגעגעבן ווערן נאָר אין אַ פעסטער וואַליוטע, וואָס זאָל זיכערן די אויפבויאונג פון אַלע בונים.

דער פראָיעקט און רעזאָליוציעס זיינען פון דער קאָנפערענץ איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פרק אין דער געשיכטע פון דער אויפבויאונגס־אַרבעט.

ג. צווייטע אַקציע.

די האָפענונג, וואָס מען האָט געלייגט אויף דער אַקציע, איז געווען זייער אַ גרויסע. מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט אַ קאַפיטאַל פון 400,000 דאָלאַר פאַר גאַנץ פוילן, וועלכע זיינען געווען גאַראַנטירט פון אַ מעגליכער אַנטווערטונג.

עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַן איינהייטליכקייט פאַר אַלע ראַיאָנען, עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויע קאָנקרעטיזירטע אַנקעטע, וועלכע האָט בולט פעסטגעשטעלט די אַלע נויטיקע ידיעות, וואָס זיינען נוגע דער פערזאָן, פלאַן פון בנין, ערד־באַזיץ, יורידישע זייט און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום בונה.

אַן אויפבוי־אַרבעט אין גרויסן מאַסשטאַב האָט שוין, אָבער, אין יאָר 1923 ניט געקענט געפירט ווערן. ערשטנס, האָט זיך די אַרבעט אָנגעהויבן צו שפעט, פאַקטיש אין סעפטעמבער 1923, סוף סעזאָן. צווייטנס, איז צוגעקומען נאָך אַ וויכטיקע סיבה, וועלכע האָט ניט ווייניק געשטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער אויפבויאונג. דאָס איז געווען די וואַליוטע־פראַגע: 1) פאַקטישע דאָלאַרן האָט מען ניט געטאָרט אַרויסגעבן. פוילישע זלאָטעס זיינען אין אומגאַנג ניט געווען, — זיי האָבן עקזיסטירט בלויז טעאָרעטיש. אַלס רעכענונגס־מיטל, — האָט מען אויסגעצאָלט אין פוילישע מאַרקן לויטן טאָג־קורס. צוליב טעכנישע און פינאַנסיעלע מניעות פלעגט זיך קיין מזומן אין „יעקאָפאָ“ ניט געפינען. נאָר טעלעגראַפיש אַרויסגעפאָדערט ווערן פון וואַרשע, ווי נאָר דער בונה פלעגט דורכפירן זיין הלוואה ביים נאָטאַריוס. און דאָ פלעגט ניט זעלטן טרעפן, אַז דאָס געלט פלעגט זיך באַקומען איינצייטיק מיטן הייבן זיך פון קורס פון זלאָטע. 2) דער פוילישער זלאָט, וועלכער האָט געדאַרפט שטיין אין איין הייך מיטן שווייצאַרישן פראַנק, איז דאַן געשטאַנען באַדייטנד נידעריקער. 3) אַז עס האָבן זיך באַוויזן זלאָטע־באָנעס און מען האָט אויסגעצאָלט די הלוואה אין פאַקטישע באָנעס, זיינען געווען אַנדערע מניעות: די בונים האָבן ניט געוואוסט וואו אויסצובייטן. די מלוכה־קאַסע פלעגט אויסבייטן נאָר 100 זלאָטעס אויף אַ פערזאָן און דאָס נאָר אין ווילנע.

די שבעה מורי גיהנום, וועלכע די בונים זיינען אויסגעשטאַנען, האָבן פאַרמאַזירט די אַרבעט.

שפעטער איז איינגעפירט געוואָרן דער מאָדוס פון אַרויסגעבן פוילישע מאַרקן לויטן קורס פון שווייצאַרישן פראַנק, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ באַרואיקונג און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע פאַרבערייטונגס־טעטיקייט אויפן קומענדיקן בוי־סעזאָן. פיל האָבן צוגעגרייט מאַטעריאַל און געבראַכט אין אָרדענונג זייערע נאָטאַריעלע פאַפירן. אַלץ איז געווען מוכן ומזומן אויפצונעמען די פאָרשטייענדע אַרבעט.

צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג האָט, אָבער, „יעקאָפאָ“ באַקומען דעם 22־טן נאָוועמבער 1923 אַ דעפעש פון וואַרשע,

אַז מען זאָל אָפּהאַלטן דאָס אויפנעמען פון נייע בונים. פון די ווייטערדיקע ידיעות האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעט האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט און עס דאַרפן פאַרענדיקט ווערן די אָפּגעהייבענע הייזער פון פריער.

דער בוים-פּראָצעס האָט זיך געצויגן ביזן 1-טן פעברואַר 1924. אַלע צווייטע ראַטעס, וועלכע עס האָט נאָך אַרויסגעקומט די בונים, זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן, די הייזער, וועלכע זיינען געבליבן אין מיטן דער אַרבעט, זיינען דאָס רוב פאַרענדיקט געוואָרן אָדער דערפירט געוואָרן ביז אַ באַפרידיקנדן צושטאַנד.

אויף די מיטלען פון דער קאָנסטרוקטיווער אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. האָט „יעקאָפּאָ״ אַרויסגעגעבן הלואות אויף 583 וואוין-הייזער און ביי-בנינים, 10 קלאָזעטן, 2 רעמאָנטן פון פאָלקס-שולן און 1 ברונים. בסך-הכל אין דער סומע, וואַלאָריזירט, פון בערך 39500 דאָלאַר.

צווייטע יק״אָ אַקציע.

דעם 21 אָקטאָבער 1922 האָט „יעקאָפּאָ״ באַקומען אַ בריוו פון יק״אָ מיט דער בקשה צוצושטעלן גענויע דאַטן און פּלענער פון דער ווייטערדיקער אויפבוי-אַקציע, וועלכע וועט זיך פאָר אין אויפבוי-סעזאָן 1923.

אויפן סמך פון די פּערזענליכע אויספאָרשונגען אויף די ערטער דורך די ה״ה קליאַנסקי און וואַלק איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ״ און דעם 22-טן נאָוועמבער 1922 אוועקגעשיקט געוואָרן צו יק״אָ אַ פולשטענדיקער מעמאָראַנדום, וועגן אַסיגנירונגען אויף נייע בנינים, רעמאָנטן, ווירטשאַפטליכע בנינים, חרוב-געוואָרענע מויערן, אינדוסטריעלע בנינים און געזעלשאַפטליכע בנינים. צום סוף איז אויך פאָרגעלייגט געוואָרן אָנצוהויבן אַן אויפבוי-טעטיקייט אין אַ גאַנצער ריי נייע פּונקטן, וואו „יעקאָפּאָ״ האָט ביז איצט ניט געאַרבעט.

אויף דעם מעמאָראַנדום האָט זיך דעם 27-טן נאָוועמבער 1922 באַקומען אַן ענטפער פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון יק״אָ, אין וועלכן עס ווערן געמאַכט איניקע באַמערקונגען אין צוזאַמענהאַנג מיטן מעמאָראַנדום. צווישן אַנדערע איז יק״א ניט מסכים געווען אויסצולייען געלט אויף אינדוסטריעלע בנינים און פּויערן, ווייל יק״אָ, ווי ס׳ווערט געזאָגט אין ענטפער, „העלפט דער באַפעלקערונג, וועלכע אַרבעט פּראָדוקטיוו, אָבער נאָר דער אָרימסטער, און הגם, מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דער נוצליכקייט פון אַזוינע ענינים, איז דאָך אויסגעשלאָסן, אַז מיר זאָלן קריגן פאַר אייך אַ הלואה אויף דעם צוועק״.

דעם 9-טן דעצעמבער 1922 איז ה׳ מ. שאַליט דעלעגירט געוואָרן קיין וואַרשע צו פירן דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון יק״א. אין רעזולטאַט איז אַסיגנירט געוואָרן דעם 19 פעברואַר 1923 י. אַ סומע פון 400,000 פראַנצויזישע פראַנק, פון וועלכע עס האָבן זיך באַקומען דעם 16 יוני 1923 די ערשטע הונדערט טויזנט פראַנק ספּעציעל אויף רעמאָנטן.

אויך יק״א האָט געשטעלט דעם תנאי, אַז דאָס געלט זאָל אַרויסגעגעבן ווערן לויטן קורס פון אַ פעסטער וואַליוטע, כדי עס זאָל ניט אַנטווערטעט ווערן די הלואה. די איינציקע מעגליכע אומגאַנגס-מטבע, וואָס האָט צו יענער צייט געהאַט אויסזיכטן אויף אַ וועלכער ניט איז שטאַנדהאַפטיקייט איז געווען די זלאָטע-באָנע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די לחים. די קורס-וואַקלעניש פון די זלאָטע-באָנעס האָט תחילת ניט ווינציג עגמת-נפש פאַרשאַפט הן „יעקאָפּאָ״ והן די בונים. צום גליק איז „יק״א״ אַנטקעגן געקומען די בונים און ביידע צדדים זיינען געבליבן צופרידן. די רעשט הלואות פון די 100,000 פראַנק זיינען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן לויטן אָפיציעלן קורס פון גאָלד-פראַנק.

די אַקציע פון די רעמאָנטן האָט זיך געפירט אין משך פון יאָר 1923. נאָכדעם, ווי עס איז אין פעברואַר 1924 צוגעשטעלט געוואָרן אַ צווייטער מעמאָראַנדום אין יק״א וועגן אויסן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט, זיינען סוף אַפּריל אָנגעקומען די איבעריקע 300 טויזנט פראַנק, וועלכע זיינען פאַרווענדעט געוואָרן אויסשליסליך אויף נייע בנינים.

אין משך פון דער צייט איז געוואָרן מעגליך געזעצליך אַרויסצוגעבן הלואות לויטן קורס פון דאָלאַר, מיטן רעכט אויפצומאָנען די הלואות צוריק אין זעלבן ווערט. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרלייכטערט די אַרבעט און האָט אויסגעמיטן דעם פלאָנטער מיט דער וואַליוטע.

די גרויס פון דער הלואה האָט צו יענער צייט דערגרייכט ביז 200 דאָלאַר אויף אַ הויז. אַלס יוצא מן הכלל איז זי געהעכערט געוואָרן ביז 250 דאָלאַר. אַזאַ סומע פלעגט, אָבער, אַרויסגעגעבן ווערן נאָר אויף פּאַפּירן פון דער היפּאָטעק און אין נאָווגרודקער ראַיאָן אויך פון דעם עלטערן נאָטאַריוס. די פּערזאָנען, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין נאָטאַריעלע פּאַפּירן, האָבן באַקומען די הלואות אויף זשירעס, אָבער דער מאַקסימום פון אַזאַ הלואה האָט געסענט זיין נאָר ביז 50 דאָלאַר, אין אויסנאַמס-פאַלן — ביז 75 דאָלאַר.

אין דער דאָזיקער, צווייטער, אויפבוי-אַקציע אויף די מיטלען פון יק״א האָט „יעקאָפּאָ״ אַרויסגעגעבן הלואות אויף 130 נייע בנינים און 93 רעמאָנטן בסך-הכל אין דער סומע, וואַלאָריזירט, פון בערך 21830 דאָלאַר.

באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון.

עס איז שוין געווען אויבן אָנגעוויזן, אַז דער ד. ד. ק. האָט אָפּגעשטעלט סוף 1923 זיין אַרבעט אין פּוילן און במילא איז אויך געקומען אַ סוף צו דער אויפבוי-

דער ד. ד. ק. האָט, אָבער, נאָך זיך געלאָזן אַ באַדייטנדע ירושה אין די פאַרנאַנדערבעטיילטע קאַפּיטאַלן, וועלכע זיינען געווען אויסגעליען אויף אויפבוי-צוועקן. די „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון״ אין וואַרשע, אויף וועמענס נאָמען עס זיינען אייגנטליך געווען אויסגעשטעלט די ד. ד. ק.-התחייבותן פון די לחים, האָט ביסלעכווייז קאָנצענטרירט ביי זיך די איינגעפלאָסענע ראַטע-צאָלונגען און באַשטימט דאָס געלט אויף דיזעלבע צילן.

די אַרבעט מיט דער באַנק איז, אָבער, אָנגעקומען שווער.

„יעקאָפּאָ״, וועלכע האָט צו דער זעלבער צייט אויסגעפאָרשט די באַראַנאָוויטש-סלאָנימער געגנט און האָט שוין זאָגאַר אָנגעהויבן פירן דאָרט אַן אויפבוי-אַרבעט אויף די „יק״אָ״-געלטער, האָט זיך געווענדעט אין „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון״ מיטן פאָרשלאָג צו אַסיגנירן געלט אויך אויף די אויבן-אָנגעוויזענע געגנט, בפרט, אַז די געגנט איז זייער אַ צורואינירטע און דאָרט איז זייער ווינציק געטאָן געוואָרן ביז איצט. דערביי האָט „יעקאָפּאָ״ דאַן ניט פּרעטענדירט אויף אַסיגנירונגען מצד דער באַנק אויף איר אַלטן אויפבוי-געביט, ווייל דאָרט האָט „יעקאָפּאָ״ פאָראויסגעזען דאַן צו אַרבעטן אויף די מיטלען פון יק״א.

לכתחילה האָט די אויפבוי-אָפּטיילונג פון דער אָנגערופענער באַנק מסכים געווען אויף דעם פאָרשלאָג. אָבער אין גיכן חרטה געקראָגן און צוגעשיקט דעם 6 יוני 1924 אין „יעקאָפּאָ״ אַ בריוו, אין וועלכן זי פאַררופט זיך אויף אַ דירעקטיוו פון ווין צו „באַגרענעצן איר אויפבוי-אַקציע אין די געגנטן, וועלכע קומען ניט פאַר „יעקאָפּאָ״ אין באַטראַכט״.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרעסערע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם ענין און צום סוף האָט די אויפבוי-באַראַטונג, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דעם אויפטראָג פון דער „פונדיישן״ און יק״א דעם 26 יוני 1924 אין וואַרשע דורך דער „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון״, — אין

צוזאמענשטעל פון די ה״ה נאטאנסאָן, סס. גאָלדע, אינזש. קלעפּאַנאָוו (יק״א), ד״ר קליזמל, באכראך, אינזש. סטער־ניאקאָוו (באנק פאר קאָאָפּעראציוון און „פונדיישן״) און מ. שאָליט („יעקאָפּאָ״)— פעסטגעשטעלט די טענות פון „יעקאָפּאָ״ פאר גערעכטע און איבערגעגעבן די ארבעט אין סלאָנימער געגנט צו פירן דורך דעם געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״.

היות ווי די געלט-מיטלען זיינען דאָך ניט געווען קיין באַדייטנדע לגבי די גרויסע נויטן, האָט מען קאָנצענטרירט די גאנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער שטאָט סלאָנים גופא. עס איז אהין דע־לעגירט געוואָרן ה׳ וואלק, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט דעם מצב פון איבער 200 בנינים, פאר קרוב צו 80 זיינען אסיגנירט געוואָרן הלוואות.

ליידער האָבן ניט אלע בונים, פאר וועמען ס׳זיינען אסיגנירט געוואָרן הלוואות, געקענט אָפּנעמען זיי, ווייל ניט ביי אלעמען זיינען די גאָסאריעלע פאפירן געווען אין אָרדענונג. ארויסגעבן די זעלבע פערזאָנען א קלענערע סומע אויף זשירעס האָט אויך קיין זין ניט געהאט, ווייל כמעט אלע האָבן געבויט נייע הייזער און האָבן זיך גענויטיקט אין גרעסערע הלוואות.

די תנאים פון ארויסגעבן דאָס געלט זיינען געווען די זעלבע, ווי ביי די יק״א-הלוואות.

אויף אזא אופן האָט „יעקאָפּאָ״ בסך-הכל ארויסגעגעבן אין סלאָנים הלוואות פון די באנק-געלטער אויף 21 בנינים אין דער גרויס פון 4600 דאָלאר.

בעדער.

די פראגע פון בעדער אין פראָווינץ האָט, ווי עס איז צו זען פון די פאָריקע קאפיטלען, שטענדיק אינטערעסירט „יע־קאָפּאָ״. עס זיינען געמאכט געוואָרן ספּעציעלע אסיגנירונגען, הגם „יעקאָפּאָ״ האָט ניט געהאט אויף דעם קיין גע־העריקע סומעס. די דאַמאָלסטיקע אסיג־נירונגען זיינען, אָבער, געווען קליינע און האָבן געהאט דעם צוועק ווי ניט איז צו רעמאָנטירן די איבערגעבליבענע בעדער, כדי די באפעלקערונג זאָל ניט פארזינקען אין שמוץ. די ארבעט איז גע־ווען א צייטווייליקע, ביז בעסערע צייטן. און וואָס איז שייך ספּעציעל די חרובע שטעט, האָבן זיי זיך גענויטיקט אין אויפשטעלן די בעדער פון דאָס ניי, אָדער אין א קארדינאַלן רעמאָנט, אויף וואָס ס׳זיינען שוין געווען נויטיק גרויסע געלטער. אין אייניקע ערטער האָט זיך דעם געגנט-קאָמיטעט איינגעגעבן צו ליינען א יסוד פון 5 בעדער מיט דער הילף פון דער היימלאָזע-אָפּטיילונג פון ד-ד-ק. און די גאנצע סומע, וועלכע איז דורך „יעקאָפּאָ״ אויסגעגעבן געוואָרן אויף בע־דער, האָט דערגרייכט, וואַלאָרידירט, בערך 5785 דאָלאר.

דערמיט איז נאָך, אָבער, די פראגע ווייט ניט פארענטפערט געוואָרן. ס׳איז געוואָרן נויטיק צו שאַפן א צענטער, וועלכער זאָל ספּעציעל זיך פארנעמען מיט דער זאַך.

די פראגע האָט געפונען איר פול־שטענדיקע פארענטפערונג דורך דער אזוי גערופענער מעדיציניש-סאניטארער צענטראלע פאר ווילנע און געגנט, וועל־כע איז געגרינדעט געוואָרן דעם 22—21 סעפּטעמבער 1921 אין ווילנע, און האָט געפירט איר ארבעט אויף די געלטער פון מעדיציניש־ן דעפּארטאמענט פון ד. ד. ק. אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר ג. גערשוני.

הגם די מ.ס.צ. איז ניט געווען קיין פראָדוקט פון „יעקאָפּאָ״ אליין, נאָר אין איר אנטשטייאונג האָבן א חלק „אָזע״, „יעקאָפּאָ״, די קהילה און דער מעדיצי־נאל-ראט, געפינען מיר דאָך פאר נויטיק אָפּשטעלן זיך אויף איר טעטיקייט, ווייל א שפּאָר ביסל כוחות און ענערגיע האָבן אין איר אהינגעלייגט די „יעקאָפּאָ״-פאָרשטייער, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט אין איר די גאנצע פראָווינץ, וואו עס האָט אייגנטליך געדראפּט געפירט ווערן דער גרעסטער טייל פון דער ארבעט.

אין דער מ. ס. צ. זיינען געווען פאר־טראָטן, אלס פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ״, די ה־ה מ. שאליט און מ. יעהוזעראָוו און אלס קאנדידאטן א. לאנגבאָרט און י. וואלק.

די מ. ס. צ. האָט אויף איר אקטיוו גרויסע פארדינסטן פאר דער יידישער באפעלקערונג אויפן סאניטאר-היגיענישן געביט. צווישן וועלכע די בעדער האָבן פארנומען דעם אויבן אָן. שוין אויף די ערשטע זיצונגען איז פאָרמולירט גע־וואָרן אָט די ארבעט אין פאָלגנדער רע־זאָליוציע: „נעמענדיק אין באטראכט, אז די בעדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די וויכטיקסטע עלעמענטארסטע אנ־שטאלטן אויפן געביט פון סאניטאריע, זיינען אין משך פון די פארגאנגענע מלחמה-יאָרן אין זייער פיל פונקטן טיילווייז אָדער אינגאנצן צושטערט גע־וואָרן, ווערט באשלאָסן, אז אויפן ערשטן פלאן פון דער ארבעט דארף אַוועקגע־שטעלט ווערן די אויפבויאונג און דאָס פארריכטן בעדער, איינאָרדנדיק, ווי ווייט מעגליך, דעזינפעקציע-און דעזינסעקציע־קאמערן, אנהויבנדיק פון די פונקטן, וואָס ליגן ביי דער געוועזענער דייטש־רוסישער פראָנט-ליניע. די בעדער דארפן ווערן געבויט לויט די פאָדערונגען פון טעכניק און סאניטאריע, און דארפן זיין צוגעפּאַסט צו די עָרטיקע באדינגונגען״.

פארשטייין איז געווען די ארבעט אויפן געביט פון אויפריכטן די בעדער. א טייל זיינען רעמאָנטירט געוואָרן, אנ־דערע זיינען איבערגעבויט געוואָרן און אייניקע זיינען געבויט געוואָרן פון דאָס ניי. די בעדער, וועלכע זיינען אויסגעבויט געוואָרן אונטער דער השגחה פון ספּעציעלע אינזשענערן, זיינען איינ־געריכטעט געוואָרן לויט דער לעצטער טעכניק. ווי יעדע נייס, האָט אויך די „לעצטע מאָדע״ ארויסגערופן לכתחילה אומצופרידנהייט אין די שטעטלעך, וואו מען האָט געבענקט נאָכן אויוון מיט די שטיינער. אויפן אָרט פון די טעכני־קער פלעגן זיך אָפט הערן שטארקע טענות. ווי דאָס זאָל ניט זיין, זיינען ביי היינטיקן טאָג די בעדער איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע געווינסן פאר דער שטעטל.

אין אלעמען זיינען אויסגעבויט געוואָרן פון דאָס ניי, איבערגעבויט און גרינטליך רעמאָנטירט געוואָרן בעדעראין פאָלגנדע פונקטן:

סמאָרגאָן, פליסע, דונילאָוויטש, ליובטש. קרעווע, קארעליטש, ווידז, הארארישטש. דיסנע, לושקי, שארקאָווטשטשיזנע. ווישנעווע. אין 30 אנדערע פונקטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן קלענערע רעמאָנטן פון בעדער.

די מ. ס. צ. האָט ארויסגעגעבן אויף די אויס־ריכטונג פון די אלע אָנגערופענע בעדער און אויף די רעמאָנטן איבער 30000 דאָלאר.

רעגירונגס-שטיצע.

די רעגירונג, וועלכע האָט באוואָרנט א גרויסע צאָל קריסטן מיט געהילף און אנדערע מאטעריאלן, האָט ווייניק אכט געלייגט אויף די שטעטלשע איינוואוי־נער, וועלכע באשטייען דאָס רוב פון יידן. אין אונזער געגנט האָבן באקומען רעגי־רונגס-הילף געציילטע יידן, הגם די צאָל חרוב-געוואָרענע הייזער איז א קאָלאָסאלע.

די אומנאָרמאלע לאגע האָט דערוועקט דעם געגנט-קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ״ צו ווענדן זיך אין פעווראל 1922 יאָר מיט א מעמאָראנדום צום פאָרזיצנדן פון דער צייטווייליקער רעגירונגס-קאָמיסיע פון מיטל-ליטע ה׳ מייטשאָוויטש וועגן דער לאגע פון דער אויפבוי אין די שטעט־לעך. דעם מעמאָראנדום האָבן איבער־געגעבן הרב רובינשטיין, ד״ר צ. שאבאד און אדוו. י. יאָכווער. אין מעמאָראנדום ווערט צום ערשטן געגעבן אן איבער־בליק פון דער ארבעט, וואָס „יעקאָפּאָ״ האָט דורכגעפירט אין די שטעטלעך, נאָכדעם גייט די רשימה פון די ארויס־געגעבענע געלטער אין יעדער שטעטל באזונדער און צאָל בנינים, ווייטער ווערט כאראקטעריזירט די שווערע לאגע

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB
DFG

פון די יידישע בונים און ס׳ווערן אנגעמערקט 3 פונקטן, וועלכע די צייטווייליקע רעגירונג ווערט געבעטן צו נעמען אין אכט, דהיינו:

1) אזוי ווי ס׳דערנענטערט זיך דער פרילינג, דער אנהויב פון נייעם בויסעזאן, בעטן מיר צואיילן די אסיגנירונג פון די נויטיקע מאטעריעלע מיטלען, כדי אנצוהויבן די אויפבוי־אקציע אין א גרעסערן מאסשטאב.

2) אזוי ווי די יידן זיינען כמעט ניט פארטראטן אין די גמינעס און אין די זעלבסטפארוואלטונגען פון די קרייזן, וועמענס פארשטייער ס׳וועלן דארפן אנטייל נעמען אין די קרייז־קאמיסיעס „זאפאמאגאיע", וועלכע זיינען בארופן צו באשטימען די גרויס פון דער רעגירונגס־סיצע פאר די בונים, דעריבער בעטן מיר, אז ביי דער באהאנדלונג פון די פראגן פון אויפבויען די שטעטלעך זאלן צוגעצויגן ווערן אין די „קרייז־קאמיסיעס זאפאמאגאיע" פארשטייער פון די יידישע קהילות אדער הילפס־קאמיטעטן פון די חרוב־געווארענע שטעטלעך.

3) אזוי ווי אונזער קאמיטעט איז א צענטראלע, אויפן געביט פון הילף פאר מלחמה־קרבנות און אויפבויאונג, פון די אנגערופענע יידישע קהילות און הילפס־קאמיטעטן פון די שטעטלעך פאר אונזער קאנט, און אזוי ווי אונזער קאמיטעט איז ביז היינט געווען די איינציקע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע אויפן געביט פון דער אויפבוי־ארבעט, דעריבער בעטן מיר, אז אונזער קאמיטעט זאל זיין פארגעשטעלט אין אלע צענטראלע אויפבוי־ארגאנען פון דער רעגירונג".

די דעלעגאציע פון „יעקאפא" איז אויפגענומען געווארן זייער פריינדליך. עס זיינען זאגאר געגעבן געווארן הבטחות אין פאזיטיוון זין, אבער קיין שום ממשותדיקס איז פון דעם ניט ארויסגעקומען.

שפעטער־צו, אין מיטן 1922, איז פאנאנדערגעשיקט געווארן אין די אויפבוי־קאמיסיעס א צירקוליאר פון מיניסטעריום פאר עפנטליכע ארבעט, אין וועלכן עס איז אנגעוויזן, אז דריי קאטעגאריעס בונים דארפן באקומען געהילץ אומזיסט. אויפן סמך פון דעם צירקוליאר האט אין נאוועמבער 1922 באזוכט די ווילנער אויפבוי־דירעקציע אינזש. טשערניאקאוו, וואו ער האט באקומען א צוזאג, אז די יידישע בקשות וועלן גענומען ווערן אין אכט. ה׳ טשערניאקאוו האט זיך אויך משתדל געווען דירעקט אין מיניסטעריום אין ווארשע און אדאנק דעם איז דעם 23־טן נאוועמבער 1922 געשיקט געווארן אן אנווייזונג פון מיניסטעריום צו דער צענטראלער דירעקציע אין ווילנע וועגן העלפן דער חרוב־געווארענער שטאטישער באפעלקערונג און א פארארדענונג, אז די צענטראלע דירעקציע זאל פאנאנדערשיקן דעם צירקוליאר אין אלע פאוויאטאווע אויפבוי־ביוראען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, האט „יעקאפא" ווידער דעלעגירט אירע פארשטייער אין ווילנער צענטראלער אויפבוי־דירעקציע, וואו מען האט זיי געגעבן די פאלגנדע ערקלערונג: „הגם אין צירקוליאר פון מיניסטעריום איז געווען אנגעוויזן, אז מען דארף געבן געהילץ און מאטעריאלן ערד־ארבעטער, אינסטיטוציעס און דער שטאטישער באפעלקערונג, דאך ביי דעם איצטיקן געלט־און מאטעריאלן־מאנגל איז אוממעגליך צו באפרידיקן אלעמען און פארלויפיק מוז מען באהילפיק זיין נאר דער דארפישער באפעלקערונג".

אויף דער דעקרעט נומ. 242, וועלכער איז פארעפנטליכט געווארן אין „דזעניק אורזשענדאווי" נומ. 191 פון 1921, וועגן פארזארגן די פאלקס־שולן מיט בוי־מאטעריאלן און שטחים ערד, האט פאר די יידישע פאלקס־שולן קיין הילף ניט געבראכט.

אלע השתדלותן פון געגנט־קאמיטעטן אז די פראגע וועגן רעגירונגס־הילף זאל דערלעדיקט ווערן פאר דער יידישער באפעלקערונג פאזיטיוו זיינען, ליידער, געבליבן אן ערפאלג.

יורידישע הילף.

וועגן דער יורידישער קאמיסיע און אירע צילן איז שוין גערעדט געווארן פריער. מיר ווילן זיך איצט אפשטעלן אויף אירע קאנקרעטע מעשים ספעציעל בנוגע דער אויפבויאונג. די הויפט־ארבעט האט זיך אויסגעדריקט אין באזארגן די בונים מיט יורידיש־רעכטליכע דאקומענטן אויף זייער ערד, כדי זיי זאלן קענען ווערן פארמעלע בעלי־בתים אויף זייערע אומבאוועגליכע גיטער און, אגב, האבן די מעגלעכקייט צו באקומען די הלואה אויף דער הויז, וואס דארף נאטאריעל באזארגט ווערן. צו דעם צוועק האט אדוו. ה׳ י. יאכוועד באזוכט די וויכטיקסטע אויפבוי־פונקטן פון פראווינץ, ווי נאוואגרודאק, קארעליטש, ווידז, ווישנעווע, קרעווע און סמארגאן, כדי פעסטצושטעלן אויף אן ארט די פאקטישע לאגע פון יעדן בונה באזונדער און צוגרייטן דעם נויטיקן מאטעריאל פאר דער ווייטערדיקער יורידישער ארבעט.

וואס איז שייך דעם נאוואגרודקער ראיאן, האט זיך איינגעגעבן פועלן ביי די נאטאריעלע אנשטאלטן, אז זיי זאלן איינשטימען צו שליסן און באשטעטיקן אפמאכן אויפן גרונט פון גמינע־צייגנישן. עס איז אויסגעארבעט געווארן א מוסטער, וועלכן די גמינעס האבן נאך אן אינטערווענץ געחתמעט. אין ווילנער ראיאן איז געווען שווערער. קיין אנדער אויסוועג אויף צו קריגן דאקומענטן איז ניט געווען, ווי אנצוגעבן אין געריכט. אין אייניקע ערטער איז די תביעה געווענדעט געווען קעגן פריץ וועגן אנערקענונג פון צינס־רעכט און אין אנדערע ערטער האט מען באדארפט פאדערן א באשטעטיקונג פון אייגנטום־רעכט אויפן גרונט פון 10־יאריקן פאזיץ.

די יורידישע אפטיילונג האט זיך ניט באגרענעצט מיט געבן נאר יורידישע עצות, נאר האט אויך אקטיוו אנטייל גענומען אין די פראצעסן. דער ערשטער משפט פון אייניקע און זעכציק בונים אין ווידז איז געוואונען געווארן מיט דער מיטהילף פון אדוו. יאכוועד. פארשטייער פון דער יורידישער אפטיילונג פון „יעקאפא" האבן אויך אנטייל גענומען אין צענדליקער פראצעסן פון סמארגאנער און קרעווער יידן ביי די פרידנס־ריכטער אין זאלעסיע און בעניצע.

א וויכטיקער אויפטו איז געווען דאס באווארענען פון די צינס־רעכט אויף דער ערד פון די תושבים אין קארעליטש און ליאכאוויטש. די פריצים פון ביידע שטעטלעך האבן אנגעגעבן אין דער היפאטעק, אז מען זאל אנערקענען די ערד פאר זייער אייגנטום. אויב דאס וואלט אנערקענט געווארן, וואלט געדראט די אויבנדערמאנטע איינוואוינער אז אין א גוטן פרימארגן זאל מען זיי אראפזעצן פון זייערע פלעצער. אין דער רעכטער צייט איז ארגאניזירט געווארן א פראטעסט צו דער היפאטעק קעגן די פריצים און אויף דעם אופן זיינען אפגעראטעוועט געווארן הונדערטער יידישע משפחות.

ליקווידאציע־פלאן.

כדי צו דערפירן די אויפבוי־ארבעט ביז א געווינשטן סוף, האט „יעקאפא" דעלעגירט ה׳ מ. שאלים קיין ווין און בערלין און אין נאוועמבער 1924 אויך קיין בריוסל, וואו ס׳איז דאן פארגעקומען א פלענארע זיצונג פון דער „פונדיישן", כדי צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט די פארשטייער פון יק״א און פון דער פונדיישן.

אלס רעזולטאט פון די דאזיקע אונטערהאנדלונגען איז דערגרייכט געווארן פריער מיט יק״א און דערנאך אויך מיט דער פונדיישן אנאלאגישע אפמאכן, לויט וועלכע „יעקאפא" באקומט די מעגליכ־

קייט פון די אויסגעליענע געלטער אויף אויפבוי אין איר טעטיקייטס-ראיאן, וואס וועלן פעליג פון יאר 1925 אן, צו ליקווידירן די אויפבוי-ארבעט ביז דעם 1-טן יאנואר 1929, ארויסגעבנדיג ווייטערדיקע הלוואות פון די איינגעקאסירטע געלטער אויף פארענדיקן בנינים.

לויט די דאזיגע אפמאכן דארף די ארבעט פארענדיקט ווערן אויף פאלגנדע באדינגונגען: 1) פון די געלטער אויף אויפבוי, וואס וועלן צוריקגעצאלט ווערן אין יאר 1925, קענען 75 פראצ. אויסגעליען ווערן ניט לענגער ווי אויף 3 יאר און די איבעריקע 25 פראצענט דארפן אומגעקערט ווערן יק״א (אויב די געלטער זיינען פון ד. ד. ק.—דארפן זיי אומגעקערט ווערן דער „פונדיישן“).

2) פון די געלטער, וואס וועלן צוריקגעצאלט ווערן אין יאר 1926, קענען 50 פראצענט אויסגעליען ווערן ניט לענגער ווי אויף 2 יאר און די איבעריקע 50 פראצענט דארפן אומגעקערט ווערן לויט ווי ס׳איז געזאגט אין ערשטן פונקט.

3) פון די געלטער, וואס וועלן צוריקגעצאלט ווערן אין יאר 1927, קענען 25 פראצענט אויסגעליען ווערן ניט לענגער ווי אויף 1 יאר, און דער רעשט דארף אומגעקערט ווערן, ווי אויבן געזאגט.

אויף אזא אופן דארף די גאנצע אקציע זיך פארענדיקן און צוגלייך דארף אויך דער גאנצער חוב פון די בונים געדעקט ווערן צום 1-טן יאנואר 1929.

די גאנצע ליקווידאציע-סומע, ווי ס׳איז צו זען פון די ציפער, וואס זיינען געבראכט אין ארטיקל, קען באטרעפן בנוגע די געלטער פון יק״א—בערך 10.000 דאלאר און בנוגע די געלטער פון ד. ד. ק. (פונדיישן)—בערך 15000 דאלאר.

אדאנק דעם, וואס ס׳זיינען אקצעפטירט געווארן די אנגערופענע אפמאכן, וועלכע „יעקאפא“ האט לויט איר איניציאטיוו דורכגעפירט ביי יק״א און פונדיישן פאר איר טעטיקייטס-ראיאן, האט שוין די פונדיישן אויך פארשפרייט די גילטיגקייט פון דעמזעלבן אפמאך פאר די איבעריקע טיילן פון פוילן, וואו ס׳ווערט געפירט אן אויפבוי-טעטיקייט אויף אירע געלטער דורך דער באנק פאר קאאפעראציון אין ווארשע.

פון דער אויפבוי-פראקטיק פון „יעקאפא“ אין יאר 1925 האט זיך, אבער, ארויסגעוויזן, אז בעת אויף די יק״א-געלטער איז די ארבעט ווייטער געגאנגען נארמאל און ערפאלגרייך און בהסכם מיטן אפמאך, האט די ארבעט אויף די געלטער פון דער פונדיישן דורך דער באנק פאר קאאפעראציון אין ווארשע, וואס האט געוואלט איבערגעגעבן ווערן „יעקאפא“ פאר איר ראיאן, זיך בכלל ניט אנטוויקלט און האט כמעט ניט געגעבן קיין רעזולטאטן, צוליב די שוועריקייטן, וואס די אזוי גערופענע אויסבוי-אפטיילונג פון דער דערמאנטער באנק האט געשטעלט „יעקאפא“ און די בונים

סטאטיסטישע ידיעות וועגן דער אויפבויאונג—דורך דעם געגענט-קאמיטעט „יעקאפא“—פון די חרוב-געווארענע פון דער מלחמה הייזער און בנינים.

טאבעלע № 1 אלגעמיינע צאל בונים.

יאר	משפחות	%	נפשות
1919—1920	178	8.9	720
1921	427	21 3	2107
1922	933	46.6	4168
1923	307	15.3	1809
1924	158	7.9	731
בסך-הכל .	2003	100	9535

טאבעלע № 2 אלגעמיינע סומע פון די ארויסגעגעבענע דורך „יעקאפא“ געלטער אויף אויפבוי.

№	מין פון אויפבוי	דאלארן (וואלאריזירט בערך)
1	הייזער און ביי-בנינים . . .	128.090
2	בנינים פאר פאלקסשולן (פאלקס-הייזער)	19.433
3	בעדער	5.785
4	געזעלשאפטליכע בנינים (געמיינזאמע וואוינונגען פאר הימלאזע) .	3.500
5	ברונעמער, קלאזעטן, פייערלעשערס, אייז-קעלערס א. אז. וו. . . .	442
	בסך-הכל . .	157.250

טאבעלע № 3 הייזער-אויפבוי-אקציעס.

№	פאנדן	יארן	דאלארן (וואלאריזירט בערך)	הייזער און ביי-בנינים	נפשות
1	אפגעשפארטע סומעס	1919—1921	4744	203	823
2	יק״א I.	1921—1922	36504	791	3770
3	לאנדאנער אוקראינער קאמיטעט	1919—1921	317	9	42
4	ד. ד. ק., רעמיגראנטן	1922—1923	20595	176	862
5	ד. ד. ק., קאנסטרוקטיוו I.	1922—1923	20500	433	2158
6	ד. ד. ק., קאנסטרוקטיוו II.	1923—1924	19000	150	710
7	יק״א II.	1923—1924	21830	223	1059
8	באנק פאר קאאפעראציון	1924	4600	21	111
	בסך-הכל . .	1919—1924	128090	2006	9535

טאבעלע № 4 פראפעסיאנעלער באשטאנד פון די בונים.

I. באשטאנד פון די בונים-משפחות לויט דער ארבעטספעאיקייט

	צאל פערזאנען	%
ארבעטספעאיקע פארדינער	2478	26
פרויען, קינדער און אלטע לייט	7057	74
בסך-הכל .	9535	100

II. צאל פארדינער אין די משפחות.

	משפחות	נפשות
צו 1 פערזאן פארדינער אין	1711	1711
„ 2 „ „ „	178	356
„ 3 „ „ „	68	204
„ 4 „ „ „	27	108
„ 5 „ „ „	15	75
„ 6 „ „ „	4	24
בסך-הכל .	2003	2478

III. פראצענטועלע פארהעלטעניש פון די באשעפטיגונגען פון די בונים-פארדינער

פראפעסיע	צאל	%
האנטווערקער, ארבעטער און אנגעשטעלטע .	1049	42 3
סוחרים און הענדלער .	964	38.9
ערד-ארבעטער . . .	257	10.4
פרייע פראפעסיעס . .	115	4.6
אומבאשטימטע פראפעסיעס	93	3.8
בסך-הכל .	2478	100

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

טאַבעלע № 5

באַשעפטיגונג פון די בונים.

№	באַשעפטיגונג	צאָל פּערזאָן
1	הענדלער	554
2	קרעמער	342
3	ערד-אַרבעטער	257
4	שניידער	184
5	שוסטער	114
6	אומבאַשטימטע	93
7	קבצנים	87
8	בעקער	76
9	שמידן	73
10	סטאָליאַרעס	63
11	פורמאַנעס	55
12	גאַרבער	51
13	קאַראַבעלניקעס	46
14	אַנגעשטעלטע	42
15	ברייער	42
16	לערער	37
17	שוואַרצאַרבעטער	28
18	שטעפּער	27
19	מולער	24
20	מילנער	21
21	מלמדים	19
22	בעלי-אכסניה	17
23	גלעזער	17
24	רימער	16
25	מאַקלער	14
26	קירזשנער	14
27	רבנים	13
28	בלעכער	11
29	ווייגער-מאַכער	11
30	שוחטים	10
31	בוכהאַלטערס	8
32	פישער	8
33	פּאַריקמאַכער	8
34	שמשים	6
35	פאַרבער	6
36	זאָקן-מאַכער	5
37	טייהויז-האַלטער	5
38	אַפּטייקער	5
39	שלאָסער	5
40	איינבינדער	5
41	פעלדשער	4
42	ציגעלניקעס	4
43	קאַטלער	4
44	ווייפּ-מאַכער	4
45	סופרים	4
46	סעטער	3
47	פאָטאָגראַפן	3
48	פאַרמאַצעוטן	3
49	עלעקטרא-טעכניקער	2
50	צאָן-טעכניקער	2
51	שטריק-מאַכער	2
52	אַקושערינס	2
53	ביר-ברויער	2
54	דרוקער	2
55	האַליק-מאַכער	2
56	האַל-בערשטער	2
57	אייל-מאַכער	1
58	נייער	1
59	דאָקטוירים	1
60	דאַך-דעקער	1
61	זעלצער-ואַרטשיקעס	1
62	טערפּענטין-ואַרשיקעס	1
63	טשעמאָדאַנען-מאַכער	1
64	מצבות-האַקער	1
65	בלייזער	1
66	פּאַפּיראָסן-שטאָפּער	1
67	צאָן-דאָקטוירים	1
68	פּאַרמעט-מאַכער	1
69	פאַרבער	1
70	שינדל-מאַכער	1
	בסך-הכל	2478

טאַבעלע № 6

הייזער-אויפבוי אין יעדער שטעטל באַזונדער.

№	שטעטל	הייזער אין ביי-נגינים	משפּחות	נפשות	רובלען
1	סמאָרגאָן	265	265	1255	25554
2	ליובטש	235	233	1098	14058
3	קאַרעליטש	222	221	1015	13997
4	ווירו	174	174	855	13409
5	ווישנעווע	125	125	540	5084
6	קרעווע	115	115	552	8958
7	האָראָדישטש	93	93	465	5151
8	אָשמענע	85	85	469	3484
9	ליאַכאָוויטש	75	75	355	8515
10	ווידוצישעק	55	55	265	2293
11	דיסנע	52	52	252	968
12	גלובאָקע	45	45	169	598
13	ווסעליוב	43	43	195	608
14	דרויע	42	42	194	1602
15	לעבעדעווע	36	36	181	2219
16	סלאָנים	31	31	155	1330
17	מאָלאָדעטשנע	30	30	139	5649
18	ווילייקע	29	29	117	1020
19	זאַסקעוויטש	28	28	137	2067
20	סאָל	28	28	138	1696
21	באָריסאָווקע	22	22	109	610
22	דוקשט	22	22	115	823
23	כורעץ	22	22	112	143
24	שאַרקאָווסטשיזנע	13	13	46	1740
25	באָקשט	10	10	55	800
26	דוגילאָוויטש	10	10	44	331
27	פּליסע	9	9	36	864
28	קאָוויען	9	9	59	442
29	סמאָלאָוויטש	9	9	45	439
30	אָסטראָוועץ	8	8	51	395
31	נייסטאַט	5	5	24	360
32	סטאַיאַנישעק	5	5	18	106
33	וואָלאָזשין	4	4	14	144
34	סיניאַווקע	4	4	20	170
35	דריסוויאַט	3	3	19	198
36	מרעק	3	3	19	66
37	מיכאַלישעק	3	3	11	125
38	מיישאַגאָלע	3	3	13	125
39	דעליאַטיטש	2	2	11	136
30	אָפּסע	2	2	10	31
41	מוראַוואַנקע	2	2	14	36
42	רימשאַן	2	1	10	42
43	נאָוואָגרודאָק	1	1	3	75
44	מערוועריס	1	1	5	150
45	לוושקי	1	1	3	250
46	זשעלודאָק	1	1	8	50
47	זירין	1	1	7	174
48	רעקסנע	1	1	7	37
49	אַנדריאַליסעק	1	1	5	20
50	נעמענטשין	1	1	5	40
51	מערניק	1	2	5	10
52	סקרידליאַוועץ	1	1	3	34
53	פּאָרבראָדז	1	1	2	100
54	אָלשאַן	1	1	6	39
55	ליפּנישעק	1	1	4	47
56	בודסלאַוו	1	1	5	34
57	בעלינע	1	1	4	36
58	קאַבילניק	1	1	8	64
59	סווענציאַן	1	1	3	27
60	ווילנע	1	1	6	87
61	גאַוויע	1	1	4	33
62	ראַקשיץ	1	1	5	22
63	סאָרגורצי	1	1	6	95
64	יוראַציסעק	1	1	6	38
65	מערק	1	1	4	104
66	זלעכאָוויטש	1	1	5	16
67	באַראַנאָוויטש	1	1	8	58
68	סאָרובאַנעק	1	1	6	43
	בסך-הכל	2006	2003	9535	128.090

טאַבעלע № 7

רשימה פון די געלטער, וועלכע זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אויף בעדער *)

1919—1921

№	שטעטל	דאָלאַרן (וואַלאָריזירט בערך)	№	שטעטל	דאָלאַרן (וואַלאָריזירט בערך)
1	ווידז	770	29	מערעטש	40
2	האָראָדישטש	428	30	גערוויץ	40
3	קרעווע	400	31	לעבעל	40
4	קאָרעליטש	400	32	זשופּראַן	39
5	ליובטש	400	33	נאָווידוואָר	36
6	ריסנע	305	34	ראָזשאַנקע	36
7	פּאָסטאַוו	221	35	אָרלאָווע	35
8	סמאָרגאָן	178	36	באַליפּס	35
9	זשעלודאָק	172	37	דונילאָוויטש	35
10	דעווענישעק	153	38	סוויר	35
11	אָלשאַן	150	39	שירווינט	33
12	וואָלאָזשין	150	40	האַנושישעק	33
13	ראָלהינאָוו	110	41	אָלקעניק	30
14	אײשישעק	90	42	סאָבערעזיע	30
15	ליפּנישעק	88	43	יאַשון	30
16	וואַסילישעק	76	44	קענע	30
17	קורענעץ	74	45	באָרוועלע	30
18	יעדיע	73	46—73	גאָלובעץ; אָשמענע; בעלינע; וואָרניאַן; גלובאָקע; לאַנראָראָווע; פּאָדבראָדז; אָראַן; ווישנעווע; מיכאַלישעק; נעמענטשין; דעקשנע; מאַגאַשישעק; מײַסאַגאָלע; איגנאַליגע; דרויע; סטאַקלישעק; פּליסע; טאָקאָלו ראַקאָוו; דוקשט; אושאַטש; באַבינעץ; פּאָסטאָוועץ; לעבערעווע; קריוויטשי; וואָראָנאָווע; קאָלטיניאַן	443
19	אָכסרין	61			
20	סווענציאַן	60			
21	וועליסשאַן	60			
22	הײַדוטישעק	56			
23	שטוטשין	49			
24	איוויע	48			
25	ראַדון	48			
26	ווילייקע	45			
27	טראָב	45			
28	סורגעל	45			
				בסך-הכל	5785

*) די געלטער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „יעקאָפּאַ" אין די יאָרן 1919—1921 אויף צייטווייליגע רעמאָנטן און ווי פון גיבער הילף. פון זיי זיינען 2000 דאָלאַר פאַר ווידז, קאָרעליטש, ליובטש, קרעווע און האָראָדישטש אַסיגנירט געוואָרן שפּעטער פון דער היימלאָזע־אָפּטיילונג פון ד. ר. ק.

אין די יאָרן 1922—1923 האָט אַנטוויקלט אַ ספּעציעלע אַרבעט אויפן געביט פון בעדער־אויפבוי די מעדיציניש־סאַניטאַרע צענטראַלע (ז. זייטן 166—168)

טאַבעלע № 8

אַלגעמיינע סומע אַרויסגעגעבענע פון „יעקאָפּאַ" געלטער לויט די אויפבוי-אַקציעס.

№	פאָנדן	רעפערירונגס־טעקסט זייטן	דאָלאַרן (וואַלאָריזירט בערך)
1	אָפּגעשפּאַרטע געלטער . (2200+4100+2950)	137,134,131	9250
2	יק״א I	146	38800
3	לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט	147	1670
4	ד. ר. ק. רעעמיגראַנטן.	156	41600
5	ד. ר. ק. קאָנסטרוקטיווע I און II	163	39500
6	יק״א II	165	21830
7	באַנק פאַר קאָאָפּעראַציע	166	4600
	בסך־הכל		157250

טאַבעלע № 9

אַלגעמיינע סומע אַרויסגעגעבענע פון „יעקאָפּאַ" געלטער אין די וויכטיקערע אויפבוי-פונקטן.

№	שטעטל	אויף הייזער	נייע בנינים	בנין פון פאָלקס-שול (פאָלקס-הויז)	בעדער	בסך־הכל דאָלאַרן (וואַלאָריזירט בערך)
1	סמאָרגאָן	25554	2215	6206	178	34153
2	ווידז	13409	1283	3714	770	20176
3	קאָרעליטש	13997	—	2422	400	15819
4	ליובטש	14058	—	1074	400	15532
5	קרעווע	8958	—	1376	400	10734
6	ליאַכאָוויטש	8515	—	—	—	8515
7	האָראָדישטש	5151	—	909	428	6088
8	ווישנעווע	5084	—	568	—	5652
9	פּאָסטאַוו	3484	—	—	221	3705

מ. שאליט

פאלקסהייזער (בנינים פאר פאָלקסשולן).

1.

אין משך פון אַ פאַרהעלטניסמעסיק־קורצער צייט איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אַ ריי פון אונזערע שטעטלעך, וואָס זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן פון דער מלחמה.

פון יאָר 1921 ביז 1924 איז אויפגעבויט געוואָרן אַ גאַנצע געגנט אויף אַזוינע קליינע געלטער, אַז אַמאָל גלויבט זיך אַליין ניט אין דער מעגלעכקייט פון דעם נס.

ווען, אָבער, מען שאַצט אָפּ די אַרבעט, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער דאָזיקער אויפבויאונג, דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט ביים דורכפירן די אַרבעט. די ענערגיע, די איבערגעבנקייט, די מסירת־נפש פון די פיאָנערן, איניציאַטאָרן, פירער און בונים, די סיסטעם און אופן פון פאַרווירקלעכן אין לעבן די אויפבוי־אַקציע, — ווערט ערשט קלאָר און פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי מען האָט געקענט אין אַ משך פון 3 יאָר צייט ביי זייער שווערע באַדינגונגען און ביי זייער באַגרענעצטע מיטלען דערגרייכן אַזוינע קענטיקע רעזולטאַטן.

די אַרבעט איז שוין אַריבער אין דער געשיכטע, און די שווערע ביטערע צייטן,—ווען די רעפאַטריאַנטן, אומקערנדיק זיך אין זייערע היימען, האָבן געפונען חורבות און ווילד־פאַרוואַקסענע פעלדער און האָבן זיך באַזעצט און געוואַלגערט מיט זייערע פאַמיליעס אין טראַנשייעס, אַקאָפּעס, קעלערס, גריבער און לעכער, — זיינען שוין אַוועק און האָבן זיך פאַרלאָרן אין דעם היסטאָרישן קוויל פון שאַפערישע מעשים. ווען פון טאָג צו טאָג זיינען אויפגעשטאַנען הייזער נאָך הייזער און לעבעדיקע מתים האָבן אויפגעלעבט צו אַ פראָדוקטיווער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

די איבער 2000 בנינים, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין אָנגערופענעם משך צייט אַדאַנק די אויפבוי־הלוואות און אויפבוי־טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ" און די קרוב 10,000 רעפאַטריאַנטן, וואָס זיינען דערביי אויפגעריכט געוואָרן צו אַ שאַפערישן מענטשלעכן לעבן. האָבן אויפגעלעבט אונזער קאַנט און האָבן געגעבן דעם אימפולס צו בויען נאָך הונדערטער הייזער און די מעגלעכקייט איינצואָרדענען זיך נאָך טויזנטער רעפאַטריאַנטן שוין אָן דער דירעקטער הילף פון „יעקאָפּאָ", ווייל ס'זיינען אויפגעשטאַנען צו אַ ניי לעבן טויט־געשלאָגענע פון דער מלחמה יידישע ישובים און ס'זיינען אויפגעריכט געוואָרן עקאָנאָמיש און סאָציאַל צורואינירטע עד היסוד צענדליקער שטעטלעך.

2.

אין די יאָרן 1921 — 1922, ווען די אויפבוי־אַרבעט איז געגאַנגען אין איין טעמפּ מיט דער רעפאַטריאַציע־אַרבעט, האָט „יעקאָפּאָ" צוגלייך מיט די יחידישע בנינים, אויף וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן הלוואות, אויפגעבויט, אַלס גיכע הילף, איינגאַנצן אויף אייגענע מיטלען פון פאַרשיידענע פאָנדן (דער עיקר, אָבער, פון דער היימלאָזע־אָפּטיילונג פון ד. ר. ק.) אַזוי־גערופענע געזעלשאַפטלעכע בנינים, אָדער ריכטיקער געמיינזאַמע וואוינונגען פאַר די היימלאָזע רעפאַטריאַנטן (רעעמיגראַנטן), וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פון רוסלאַנד און אוקראַינע און האָבן זיך ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן. דער צופלוס פון די רעפאַטריאַנטן איז געגאַנגען גיכער און סטיכישער, ווי דאָס בויען די יחידישע הייזער, און ס'איז געווען נייטיק אַרויסצונעמען די מענטשן פון די טראַנשייעס, קעלערס און אַקאָפּעס און אָנגרייטן אַן אָרט פאַר די אַלץ־צוקומענדיקע רעעמיגראַנטן, וועלכע זיינען געפלאָסן אין גאַנצע עשאַלאָנען. חוץ דעם האָט מען געמוזט ספּעציעל באַזאָרגן די שוואַכסטע און אָרעמסטע פון די רעפאַטריאַנטן, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט גלייך נעמען צו בויען פאַר זיך הייזער און זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַ צייטווייליקן מקום מנוחה.

אָט פאַר די אַלע עלעמענטן האָט „יעקאָפּאָ" אויסגעבויט אָדער רעמאָנטירט 6 געזעלשאַפטלעכע בנינים אין סמאָרגאָן (ז. זייטן 93—96) און 2 אין ווידז.

אין סמאָרגאָן, וואו דער רעעמיגראַנטן־שטראָם איז געווען באַזונדערס שטאַרק, זיינען אַלס געזעלשאַפטלעכע בנינים אויסגעבויט געוואָרן פון דאָס ניי:

1. אַ הילצערנער בנין פון 26 אויף 10 אַרשין (ז. דעם בילד אויף ז. 157). מען האָט אים נאָך אָנגעהויבן צו בויען אין יאָר 1920 (ז. זייטן 135—136) און פאַרענדיקט אין יאָר 1921. געפינט זיך לעבן בית־מדרש. נאָכן באַפרייען אים פון די רעעמיגראַנטן איז ער רעמאָנטירט און צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר דעם סטאָלעריי־וואַרשטאַט פון „יעקאָפּאָ" און „אָרט" און נאָכדעם, ווי דער וואַרשטאַט איז אַריבער אין בנין פון אינטערנאַט (ז. ווייטער), איז ער פאַרנומען געוואָרן דורך דער פאָלקסבאַנק.

2. אַ הילצערנער בנין פון 21 אויף 10 אַרשין. געפינט זיך לעבן בית־עולם. ער איז אויפגעבויט געוואָרן אין מערץ 1922. דעם בנין האָט געהאַלטן ביזן דער סמאָרגאָנער קאָמיטעט אויף די מיטלען פון רעליעף. נאָכן אַרויסגיין פון די רעעמיגראַנטן איז ער רעמאָנטירט און צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר דער פאָלקסשול, וועלכע האָט זיך שפּעטער אַריבערגעקליבן אין בויער פון אינטערנאַט, און דער בנין איז פאַרנומען געוואָרן אויף קהלשע הצטרכותן.

ס'זיינען רעמאָנטירט געוואָרן:

3. די שעכטהויז. אַ גרויסער געמויערטער בנין פון 33 אויף 18 אַרשין. ער איז ספּעציעל צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר אַן אָרפנאַם־הויז און איז אויסגעצאַמט געוואָרן אין צימערלעך פאַר באַזונדערע פאַמיליעס, כדי אויסצומיידן די נעגאַטיווע זייטן פון די מאַסן־וואוינונגען. שפּעטער האָט ער געדינט אַלס איזאָליאַטאָר פאַר די קראַנקע קינדער פון אינטערנאַט. אין יאָר 1925 האָט ער געזאָלט צוריק פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שעכט־הויז.

4. דער בית־מדרש. אַ גרויסער געמויערטער בנין (ז. דעם בילד אויף ז. 157). אין דעם רעמאָנטירטן אונטערשטן עטאַזש האָט זיך אויך געפונען די קינדער־קיך פון „יעקאָפּאָ" און ק. פ. ד. אויפן אויבערשטן עטאַזש, וועלכער איז רעמאָנטירט געוואָרן מיט דער הילף פון רעליעף, האָבן זיך אין דער ערשטער צייט געפונען דער לאָקאַל פון קאָמיטעט, די פאָלקסשול און די ביבליאָטעק. שפּעטער איז ער איבערגעגעבן געוואָרן זיין אייגנטלעכן צוועק.

די איבעריקע 2 געזעלשאַפטלעכע בנינים אין סמאָרגאָן האָבן זיך געפונען אין געדונגענע דורך „יעקאָפּאָ" פּריוואַטע דירות.

אין די סמאָרגאָנער געזעלשאַפטלעכע בנינים זיינען איבערגעווען העכער 600 רעפאַטריאַנטן.

אין ווידז האָט „יעקאָפּאָ" רעמאָנטירט און געהאַלטן אויסבויען אַלס געזעלשאַפטלעכע בנינים 2 בתי־מדרשים, אין וועלכע ס'זיינען איבערגעווען עטלעכע צענדליק רעפאַטריאַנטן און וועל־

נע זייַנען שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן זייערע אייגנטלעכע צוועקן.

די אַלע געזעלשאַפטלעכע בנינים האָבן עקסיסטירט אַלס אַזעלכע ביזן יאָר 1923 און אויך די צוויי פרעמדע, געדונגענע פּריוואַטע בנינים. האָט „יעקאָפּאָ" זיי אַלעמען איבערגעגעבן אין רשות און אייגנטום פון די אָרטיקע קהלות, וועלכע האָבן דורכדעם באַקומען ניי-אויפגעבויטע און גוט-רעמאָנטירטע קהלשע בנינים פאַר די הצטרכותן פון גאַנצן שטעטל.

3.

די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע בנינים האָבן, אָבער, געהאַט בלויז צייטווייליקע עובדות און זייַנען געווען אויף גיך צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון מאָמענט. אויסנוצן זיי פאַר ברייטערע, גרעסערע און דויערנדיקערע אויפגאַבן איז געווען ניט מעגלעך הן פאַקטיש והן טעכניש. ווידער זייַנען אַזוינע געזעלשאַפטלעכע בנינים געווען אויפגעבויט אָדער רעמאָנטירט נאָר אין סמאָרגאָן און מילוויין אין ווידז. די בתי-מדרשים זייַנען, נאַטירלעך, אומגעקערט געוואָרן די מתפּללים. די פאַרבליבענע, אַלזאָ, דריי געזעלשאַפטלעכע בנינים אין סמאָרגאָן זייַנען אויסגענוצט געוואָרן, ווי אויבן געזאָגט אויף די געהעריקע נויטן פון שטעטל.

מיטן אויסבויען זיך פון די חורבֿ-געוואָרענע פון דער מלחמה שטעטלעך, נאָכדעם, ווי די יחידישע הייזער זייַנען אויפגעבויט געוואָרן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן די מעגלעכקייט פון אַ קהלשן לעבן, האָט זיך קודם-כּל געלאָזט פילן אַלץ שאַרפער און שאַרפער די נייטווענדיקייט פון **בנינים פאַר יידישע פאָלקסשולן**, וואו די קינדער פון די רעפּאַטריאַנטן זאָלן געפינען אַ היים פאַר לערנען און ערציאונג און זאָלן ניט אומקומען גייסטיק און פיזיש פון הפקרות און דעמאָראַליזאַציע, וואָלגערנדיק זיך אויף די גאַסן און מערק פון די חרובֿע מלחמה-שטעטלעך.

אָט אויף די קינדער, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן אַלע ספּעציפישע ענויים פון גירושים, פון נע ונד, פּאָגראָמען, בירגער-קריג, רעוואָלוציעס, רעעוואַקואַציע וכדומה, האָט מען געדאַרפט לייגן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, אַרומרינגלען זיי מיט אַ באַזונדערער השגחה, שטאַרקן זיי פיזיש און געבן זיי די מעגלעכקייט פון עלעמענטאַרער בילדונג.

ס׳האָט זיך גלייכצייטיק געשטעלט די פּראָבלעם פון אַ פאָלקסשול און פון אַ היים פאַר קינדער-פאַרזאָרגונג.

אויך פאַר אַלע איבעריקע הצטרכותן פון אַ וועלטלעך-גייסטיקן לעבן, אָן וועלכן קיין שום קיבוץ קען ניט עקזיסטירן געזעלשאַפטלעך, איז ניט געווען אַפילו קיין סימן פון אַ בנין. און ווען די פּריוואַטע הייזער זייַנען אויפגעבויט געוואָרן, זייַנען די שטעטלעך געזעלשאַפטלעך אַלץ פאַרבליבן רואינעס.

נאָך דער פּריוואַטער אויפבויאונג האָט דעריבער געמוזט קומען אַלס איר באַקרוינונג, פאַרפולקאָמונג און דערגאַנצונג די געזעלשאַפטלעכע אויפבויאונג, וואָס האָט ערשט אומגעקערט דער שטעטל איר קהלשן כאַראַקטער, געגעבן איר די מעגלעכקייט פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן און גייסטיקער אַנטוויקלונג.

4.

אַזוינע קהל׳שע בנינים האָט „יעקאָפּאָ" אויסגעבויט 7 אין די אַממערסטן צורואינירטע שטעטלעך פון ווילנער און נאַוואַגרודקער געגנט, ווי סמאָרגאָן, קרעווע, ווידז, ווישנעווע, קאַרעליטש, ליובטש און האָראָדישטש.

די דאָזיקע בנינים, וועלכע זייַנען אויסגעבויט געוואָרן מיטן צוועק קודם-כּל צו באַזאָרגן די רעפּאַטריאַנטן-קינדער, און זייַנען אַלע פאַרנומען פאַר פאָלקס-שולן, שפּילן פאַר אין דער ווירקלעכקייט נאָך אַ גרעסערן ווערט און דערפילן פאַקטיש אַלע קולטור-געזעלשאַפטלעכע פונקציעס פון אמתע **פאָלקסהייזער** אין קולטורעלן זין פון וואָרט, וועלכע זייַנען דער צענטער פאַר אַלץ, וואָס לעבט און שאַפט אין די אויפגעריכטע שטעטלעך.

די בנינים זייַנען אויסגעבויט געוואָרן אויף די מיטלען פון דער היימלאָזען-אַפּטיילונג פון ד. ד. ק. און באַזונדערס דאַרפן דאָ אָנערקענט ווערן די פאַרדינסטן פון הויפּט-דירעקטאָר פון ד. ד. ק. ד״ר בערנאַרד כּהן ז״ל, דעם דירעקטאָר פון ד. ד. ק. אין פּוילן ז. שווייצער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן די פולע פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך, ווי אויך פון די באַפולמעכטיקטע פון ד. ד. ק. י. ניסערמאַן און י. וויערניק, וועלכע האָבן שטאַרק געשטיצט די מעמאָראַנדומס און די באַמיאונגען פון „יעקאָפּאָ" אין דער זאַך.

די ערשטע בנינים — אין סמאָרגאָן, קרעווע, ווידז, און קאַרעליטש, — האָט מען אָנגעהויבן בויען אין אויגוסט—סעפּטעמבער 1922 און פאַרענדיקט אין יוני—אויגוסט 1923; דער בנין אין ווישנעווע איז געבויט געוואָרן אין משך פון פרילינג 1923 און די איבעריקע בנינים — אין ליובטש און האָראָדישטש, — האָט מען אָנגעהויבן בויען אין יולי—אויגוסט 1923 און פאַרענדיקט אין אָקטאָבער 1924.

די פּלעצער פאַר די בנינים האָבן געגעבן די שטעטלעך.

די אַלגעמיינע סומע, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן פון „יעקאָפּאָ" אויף אויסצובויען די 7 פאָלקס-הייזער, באַטרעפט, וואַלאָריזירט בערך, 17269 דאָל.*).

גענויערע ידיעות וועגן די בנינים גיט די פאָלגנדע סומאַרע טאַבעלע:

די אויסגעבויטע דורך „יעקאָפּאָ" פאָלקס-הייזער:

שטעטל	צאָל פאָלקס-הייזער	סומע אין דאָלאַרן	כאַראַקטער פון בנין	אומפאַנג פון בנין אין קוביש קלאַפטער	אויסגעבויט אין יאָר
סמאָרגאָן	1	6206	מויער	252^{72}	1923
קרעווע	1	1376	הילצערנער	67^{27}	1923
ווידז	1	4714	מויער	270^{13}	1923
ווישנעווע	1	568	הילצערנער	54^{16}	1923
קאַרעליטש	1	2422	„	152—	1923
ליובטש	1	1074	„	66 —	1924
האָראָדישטש	1	909	„	51^{22}	1924
בסך-הכּל	7	17269	—	—	—

כ׳איז וויכטיק אָפּצושטעלן זיך אויף יעדן פּונקט באַזונדער.

סמאָרגאָן.

סמאָרגאָן ליגט 82 קילאָמעטער פון ווילנע אויפן אייזנבאַן ווילנע—מאָלאָדעטשנע און איז געווען איינער פון די גרעסטע פּונקטן אין ווילנער געגנט.

פאַר דער מלחמה האָט סמאָרגאָן

---

*) שוין אין די ערשטע צייטן פון איר אַרבעט, אין די יאָרן 1919—1921, האָט „יעקאָפּאָ" געשטיצט אַלע באַמיאונגען צו שאַפן מעגליך, אַז די קינדער זאָלן זיך האָבן וואו צו לערנען. צו דעם צוועק האָט זי אַרויסגעגעבן איבער 40 סובסידיעס אין אַ גאַנצער ריי שטעטלעך (אינגאַלינע, אָרבן, ניישווענציאַן, סאָל, סווענציאַן, מיכאַלישעק, קריוויטש, וואָלאָזשין, וואַסילישעק, קורעניעץ, ראַדון, אָסטראָוועץ, אָרלאָווע, דיסנע, פּאָסטאַוו, איוויע, דעווענישעק, וואָראָנאָווע, היידוטישעק, דונילאָוויטש, קראַסנע און אַנדערע) אויף קלענערע רעמאָנטן פון דירות און בנינים פאַר פאָלקסשולן. די אַרויסגעגעבענע סומעס האָבן באַטראָפן, וואַלאָריזירט בערך, 2164 דאָלאַר. אויף אַזאַ אופן איז צוזאַמען אויסגעגעבן געוואָרן אויף בנינים פאַר פאָלקסשולן 19433 דאָלאַר.

אנטוויקלט א שטאַרקע לעדער-פאַבריקאַציע און האָט געשטעלט פאַר א באַדייטנדן אינדוסטריע-צענטער, וועלכער פלעגט שיקן זייגע אויסאַרבעטונגען אויפן ווייטן און גרויסן רוסישן מאַרק.

פון דער מלחמה איז סמאָרגאָן חרוב ומחרב געוואָרן. ס'איז ניט געבליבן קיין איין הויז, קיין שטיין אויף א שטיין. די שטעדטל איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד.

אין דער אויפבוי-אַקציע פון „יעקאָפּאָ" האָט סמאָרגאָן, נאַטירלעך, פאַרנומען א גרויסן אָרט און איז פיבערהאַפט געבויט געוואָרן. די אַרבעט איז דאָ אָנגעקומען זייער שווער, אָבער ס'איז דערגרייכט געוואָרן דער מאַקסימום פון דעם, וואָס ס'איז געווען מעגליך. אָנהויבנדיק פון 1 איינוואוינער-בונה, האָט שוין סמאָרגאָן אין יאָר 1925 ווידער א היפשע באַפעלקערונג און פון איר איבער 2000 יידן.

אויך בנוגע דער פאָלקסהויז איז סמאָרגאָן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף איינעם פון די ערשטע ערטער און דאָ איז אויסגעבויט געוואָרן א פונדאַמענטאַלער בנין.

דער בנין באַשטייט דאָ פון א גרויסן צוויי-גאָרנדיקן מויער, וועלכער איז דער שענסטער און מאָדערנסטער אין שטעטל. ער איז געבויט אונטער דער אויפזיכט פון אַרכיטעקטאָר פ. סמאָרגאָנסקי.

דער בנין איז געבויט פון ציגל און איז געדעקט מיט דאַכלעקס. ער פאַרמאָגט 14 צימערן מיט קאַמערן, וועלכע זיינען געווען ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר זייער צוועק פון אן אינטערנאַט און דערנאָך פאַר דער פאָלקס-שול און אנדערע קולטורעלע איינריכטונגען.

אויפן ערשטן גאָרן האָבן זיך געפונען: 1) אן עס-צימער, 2) רעקרעאַציאָנס-זאַל מיט א בינע, 3) א צימער אויף אויסצוטאָן די אויבער-קליידער, 4) וואַש-צימער מיט קראַנען, 5) א קיך, 6) א צימער פאַר א באָדינער.

אויפן צווייטן גאָרן: 1) א שלאָף-צימער אויף 30 בעטן, 2) א צווייטער שלאָף-צימער אויף 35 בעטן, 3) דריי וואוין-צימערן, 4) א קיך, 5) א וועש- און קליידער-צימער.

חוץ דעם האָט דער בנין א גוט-געבויטן קעלער, א קאַמער פאַר שפּייז, א קאַמער פאַר האָלץ, א וואַרעמען קלאָזעט, א ברונים מיט וואַסערלייטונג וכדומה.

פון מאַי 1923 ביז פּסח 1924 האָט זיך אין בנין געפונען אן אינטערנאַט פאַר 60 נויטבאַדערפטיקע רעפּאַטריאַנטן-קינדער, יינגלעך און מיידלעך, פון זיי א טייל גאַנצע אָדער האַלבע יתומים.

מיט דעם דאָזיקן אינטערנאַט (זעט זייטן 95—97), וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ" אין דעצעמבער 1922 און האָט זיך געפונען, ביז וואַנען מען האָט אויסגעבויט דעם בנין, אין עטלעכע פאַרשיידענע דירות, איז צוזאַמען מיטן דערנערונגס-פּונקט פאַר 160 קינדער, וואַרשטאַטן און פאָלקס-שול, פאַרענטפערט געוואָרן אין משך פון דער שווערסטער און ביטערסטער צייט די דרינגענדע פּראָבלעם פון קינדער-פאַרזאָרגונג אין סמאָרגאָן.

נאָכן ליקווידירן דעם אינטערנאַט איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין בנין די טאָגשול פאַר סטאָלעריי און דערנאָך — די פאָלקס-שול און די ביבליאָטעק (אויפן אויבערשטן גאָרן) און לערן-וואַרשטאַטן (אויפן אונטערשטן גאָרן).

די פאָלקסהויז באַשטייט פון א פאַסאַד-פליגל, וואָס האָט אין דער לענג 10 קלאַפטער, אין דער ברייט 4 קלאַפטער און אין דער הויך 3,03 קלאַפטער, מיט א זייטיקן פליגל, וואָס האָט אין דער לייגג 6 קלאַפטער, אין דער ברייט 4 קלאַפטער און אין דער הויך 3.98 קלאַפטער. דער אַלגעמיינער אומפאַנג (קובאַטור) פון בנין באַטרעפט 252,72 קובישע קלאַפטער. דער בנין איז געבויט אין דעם פאָרם פון אן איבערגעקערטן בוכשטאַב „ט".

די פאָלקהויז אין סמאָרגאָן (פאַסאַד).

די פאָלקסהויז אין סמאָרגאָן · (זייטיקער פליגל).

קרעווע.

23 קילאָמעטער פון סמאָרגאָן מיט פור, אויף זייער שלעכטע וועגן, דורכגעגראָבענע מיט אָקאָפּעס און טראַנשייען פון די געוועזענע קאַמף-פּאָזיציעס, צוהאַקטע און צעשטערטע פון די מלחמה-פאַרפעסטיגונגען און פאַרצאַמונגען, ליגט קרעווע.—א שטיל און פאַרוואָרלאָזט שטעטל מיט א גרויסער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט.

ביז היינטיקן טאָג איז נאָך פאַרבליבן

אַלס עדות פֿון די אַמאָליקע שטורמישע ליטווישע צייטן דער שטאָלצער גרויס־פֿירשטל־כער שלאָס, וועלכער ליגט מאַלעריש אויסגעשפּרייט אין שטעטל אויף אַ היבשן שטח אין מויער־פֿעסטע רואינען.

נאָענט פֿון אַט דעם שלאָס, אויף דער יידישן קהלשן פּלאַץ, שטייט די אויסגעבויטע פֿון „יעקאָפּאָ" שיינע הילצערנע פֿאָלקס־שול, וואו ס'לערנען זיך אַלע יידישע קינדער פֿון שטעטל.



די פֿאָלקסהויז אין קרעווע.

אויבן — דער בנין פֿון דער פֿאָלקסשול (פֿון דער הינטערשטער זייט). אונטן — די קינדער פֿון דער פֿאָלקסשול, בראָש מיט דעם אָרטיגן כלל־טוער אהרן אַבראַמסאָן (רעכטס) און לערער (לינקס).

די פֿאָלקסהויז אין קרעווע (פֿאַסאַד).

דער בנין, וועלכער איז אַן אמתע פֿאָלקסהויז פֿאַר דער פֿאַרוואָרפֿענער שטעטל און אַ צענטער פֿאַר אַלע אירע קולטורעלע הצטרכותן, איז אויפֿגעבויט אויף אַ שטיינערנעם פֿונדאַמענט. 14 ווערשאָק די הויך פֿון דער ערד. דער בנין איז אַן איינגאָרנדיקער. האָט אין דער הויך פֿון דרויסן 5 אַרשין ביז 3 ווערשאָק, פֿון אינעווייניק 4 אַרשין ביז 11 ווערשאָק, אין דער לענג 20 אַרשין און אין דער ברייט 15 אַרשין. דער אַלגעמיינער אומפֿאַנג — 27 67 קובישע קלאַפֿטער.

דער בנין באַשטייט פֿון 3 קלאַס־צימערן, 1 לערער־צימער, 1 ביבליאָטעק־צימער און 1 רעקרעאַציאָנס־זאַל. חוץ דעם — אַ פֿאָרהויז, אַ גאַניק־אַריינגאַנג, קלאָזעט, אַ פֿרייער פּלאַץ צו שפּילן זיך פֿאַר די קינדער. דער בנין מיטן פּלאַץ זיינען אַרומגעצאַמט.

דער בנין איז געבויט געוואָרן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון קרעווער כלל־טוער אהרן אַבראַמסאָן, וועלכער האָט ניט איין מאָל אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו, ענערגיע און איבערגעגעבנקייט לטובת דעם אויפֿבויען זיין שטעטל פֿון די שרעקליכע מלחמה־חורבנות

די אויפֿבויאונג פֿון בנין אין קרעווע ווי בכלל די אויפֿבוי־אַרבעט פֿון „יעקאָפּאָ" אין דעם דאָזיקן פֿאַרלאָזענעם ווינקל פֿון געוועזענעם פֿראָנט־פּאַס, האָט באַקומען די פֿולע אָנערקענונג אַפֿילו אין דער ניט־יידישער פּרעסע און געזעלשאַפֿט.

קרעווע איז אַזוי ווי סמאָרגאָן אינגאַנצן צושטערט געוואָרן פֿון דער מלחמה און איז צוריק אויפֿגעבויט געוואָרן אַדאַנק די אויפֿבוי־הלוואות פֿון „יעקאָפּאָ". אין יאָר 1925 האָט שוין קרעווע ווידער געהאַט אַ יידישע באַפֿעלקערונג פֿון איבער 500 פּערזאָן.

ווידז.

ווידז ליגט 26 קילאָמעטער מיטן פֿור פֿון דער אייזנבאַן־סטאַנציע דוקשט אויף דער ליניע ווילנע—דווינסק. פֿון דער מלחמה איז ווידז חרוב געוואָרן עד היסוד. האָט זיך אָפּגעבויט אינגאַנצן אַדאַנק „יעקאָפּאָ". איצט איז ווידז ווידער אַ בליענדע שטעטל מיט אַ פֿאַרהעלטניס־מעסיג גאַנץ שטאַרקן געזעלשאַפֿטליכן לעבן.

אַרומגערינגלט מיט פּראַכטפֿולע אָזיערעס, אין אַ שענער געגנט, באַזיצט ווידז אַ באַוואונדערן חן.

די ווידזער באַפֿעלקערונג איז אַ ביז גאָר פֿאַרשיידנאַרטיקע: רוסן־סטאַראָווערן, טאַטאַרן, יידן־חסידים פֿון ליטווישן טיפּ,

פאָליאַקן, א צערקווע, מעטשעט, בתי־מדרשים, א קאָשציאָל.

אין יאָר 1925 איז דאָ די יידישע באַפעלקערונג שוין באַשטאַנען פון איבער 1000 פערזאָן,—אַזוי ווי אין סמאָרגאָן און קרעווע אַלע רעפּאַטריאַנטן, וואָס האָבן זיך פון ס׳ניי אויפגעבויט.

אדאַנק דער באַזונדערער ליבע און איבערגעבנקייט פון די אָרטיקע כלל־טוער, ווי מענדל קליומל, ברוך זלאָטקין און יעקב דוד מאַליאַטסקי, איז די אויפבוי־אַרבעט אין ווידז אַוועק מיט א שנעלן טעמפּ און די שטעדטל איז גיך אויפגעשטאַנען פון די חורבות. די אַרבעט איז דאָ געווען קלענער ווי אין סמאָרגאָן, אָבער ניט ווייניגער וויכטיק און דערביי א סך אָנערקענטער און דאַנקבאַרער.

ברוך זלאָטקין און יעקב מאַליאַטסקי האָבן נאָך ספּעציעל באַזונדערע פאַרדינסטן בנוגע דעם אויפשטעלן אין זייער שטעדטל א ריי לעבענספּעאיקע און נויטיקע אינסטיטוציעס, און דער עיקר בנוגע דער פאָלקסהויז, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט אויפגעבויט אין ווידז.

דעם פּלאַץ פאַרן בנין האָבן געשאָנקען און אָפּגעשריבן אויפן נאָמען פון „יעקאָפּאָ“ די ברידער שמעון און ברוך זלאָטקין.

דער פּלאַץ איז א הויכער און טרוקענער, געפינט זיך אין דעם בעסטן טייל פון שטאָט און אַרום אים זיינען פאַראַן א סך גערטנער.

דער בנין איז א צוויי־גאָרנדיקער, געבויט פון ציגל און געדעקט מיט דאַכעלקעס. אין דער לענג האָט ער 10,80 קלאַפטער, אין דער ברייט 5,30 מיט א צוגאָב פאַר דער טרעפּ־פאָרהויז צום בנין אויף דער לענג פון 4,60 קלאַפטער און אויף דער ברייט פון 1,50. דער בנין האָט א ברונים און א ריי באַקוועמליכקייטן. געבויט איז ער אונטער דער אויפזיכט פון אַרכיט. ד. ראָזענהויז.

די פאָלקסהויז אין ווידז (דער גאַנצער בנין בעתן בויען).

די פאָלקסהויז אין ווידז (פאַסאַד)

די אַלגעמיינע קובאַטור פון בנין איז 270,13 קלאַפטער. ער איז דער גרעסטער בנין פון די 7 פאָלקס־הייזער, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט אויסגעבויט אין די חרובֿ־געוואָרענע פון דער מלחמה פּונקטן.

אין ערשטן גאָרן פון בנין געפינען זיך 6 צימערן, פון זיי 4 פאַר קלאַסן, 1 פאַר א ביבליאָטעק און לערער־צימער און 1 אויף אויסצוטאָן די אויבער־קליידער און צו וואַשן זיך (מיט א וואַשטיש און קראַנען).

אויפן צווייטן גאָרן געפינט זיך א גרויסער, ליכטיגער רעקרעאַציאָנס־זאַל מיט א בינע און 2 ביי־צימערן.

די טרעפּ צום צווייטן גאָרן זיינען געמאַכט פון בעטאָן־צעמענט. אונטער די טרעפּ געפינט זיך א צימער פאַרן באַדינער.

די הויך פון די צימערן אין ערשטן גאָרן איז 4 אַרשין 8 ווערשאָק און אין צווייטן—6 אַרשין 5 ווערשאָק.

דער בנין אין ווידז הייסט פאַקטיש פאָלקסהויז און פאַרדינט דעם נאָמען אין פולן זין פון וואָרט. ער איז דער אמת׳ער צענטער פון דעם גאַנצן קולטורעלן לעבן אין שטעטל און פון דער גאַנצער דאָרטיקער יידישער געזעלשאַפטליכקייט. אין בנין איז קאָנצענטרירט די פאָלקסשול, די ביבליאָטעק, די דראַמאַטישע סעקציע, דער מוזיקאַלישער קרייזל; אין די ביי־צימערן אויפן צווייטן גאָרן, דורך א באַזונדערן אריינגאַנג, געפינען זיך דער קאָמיטעט און די פאָלקסבאַנק. אין רעקרעאַציאָנס־זאַל קומען פאָר אַלע קהל׳שע פאַרזאַמלונגען, ספּעקטאַקלען, אָוונטן, לעקציעס, רעפעראַטן, רעפּעטיציעס פון דער דראַמאַטישער סעקציע און פון אָרקעסטער וכדומה. די הכנסות פון די אונטערנעמונגען גייען צו שטייער אויף קהלשע הצטרכותן, אויף דער פאָלקסשול א. א. וו.

דער בנין פון דער פאָלקסהויז האָט געגעבן ווידז די מעגליכקייט צו לעבן געזעלשאַפטליך און גייסטיק און איז געוואָרן אַהיים פאַר אַלע לעבעדיקע כחות פון שטעטל, יונג און אַלט.

ווישנעווע.

ווישנעווע ליגט 82 קילאָמעטער פון ווילנע מיטן באַן און פור, אויף דער אייזנבאַן־ליניע ווילנע—לידע—גאַוויע—סט. באָגדאַנאָוו און פון דאָרט א שעה רייזע מיטן פור ביזן שטעטל.

פון דער מלחמה איז ווישנעווע נאָר טיילווייז חרוב געוואָרן, אָבער די צושטערונגען זיינען געווען גענוג גרויס. די אויפבוי־אַרבעט איז דאָ געפירט געוואָרן גאַנץ אינטענסיוו. אין יאָר 1925

האָט די ייִדישע באַפֿעלקערונג באַטראָפֿן איבער 1000 פערזאָן.

לויט דער איניציאַטיוו פֿון אָרטיקן קאָמיטעט האָט דער ווישנעווער רעליעף אין אַמעריקע אַסיגנירט אַ געוויסע סומע, אויף וועלכער ס'איז אין יאָר 1921 אויסגעבויט געוואָרן אַ קליינער הילצערנער בנין פֿאַר אַ פֿאָלקסשול. דער דאָזיקער בנין האָט זיך, אָבער, באַלד אַרויסגעוויזן פֿאַר ניט צוגעפּאַסט און צו ענג פֿאַר דער צאָל תּלמידים, וואָס ווישנעווע פֿאַרמאָגט. דערהויפּט ווען די שטעטל האָט זיך אַלץ מער אָפּגעבויט דאַנק די אויפֿבוי-הלוואות פֿון „יעקאָפּאָ“. ס'איז דעריבער געוואָרן אומבאַדינגט נויטיק צו פֿאַרענדיקן די אָנגעהויבענע אַרבעט און דערבויען דעם בנין פֿאַר זײַן אייגענטליכן צוועק. דערצו האָבן אייניקע אָרטיקע כּלל-טוער אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און איבערגעגעבנקייט פֿאַר דער זאַך, און „יעקאָפּאָ“ האָט באַשלאָסן צוצובויען צו דעם בנין אַ צווייטע העלפֿט און אין אַלגעמיינעם איבערגרופּירן די צימערן אַזוי, אַז ס'זאָל אַנטקעגנגעשטעלט ווערן אַ פּאַסיקע געבײַדע פֿאַר דער פֿאָלקסשול אין דער צערואינירטער פֿון דער מלחמה שטעטל.

אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך באַקומען אַ ניט קיין שלעכטער, גרעסערער בנין פֿון 33 אַרשין די לענג און 9½ אַרשין די ברייט. די הייך פֿון די צימערן אינעווייניק—4 אַרשין 2 ווערשאָק.

די פֿאָלקסהויז אין ווישנעווע.

דער בנין פֿאַרמאָגט 7 צימערן, פֿון זיי פֿינף קלאַס-צימערן, 1 לערער-צימער און 1 צימער פֿאַרן באַדינער.

פֿון דער פֿאַסאַד-זייט, אין דער לענג פֿון די צימערן, פֿאַרויס פֿון די קלאַסן איז אײַנגעאָרדנט אַ ליכטיקער קאָרידאָר פֿון 17 אַרשין די לײַנג און 2 אַרשין די ברייט און מיט 2 אַרויסגאַנגען אויף דעם פּלאַץ אַרום דער שול.

די אַלגעמיינע קובאַטור פֿון בנין, חוץ דעם צאָקאָל, איז 54,56 קלאַפֿטער.

קאַרעליטש.

„יעקאָפּאָ“ האָט געפֿירט איר הילפֿס- און אויפֿבוי-טעטיקייט אין ווילנער און נאָוואָגרודקער ראַיאָנען און האָט אויך די פֿאָלקסהײַזער געבויט אין די אַם מערסטן חורבֿ-געוואָרענע פֿון דער מלחמה פּונקטן פֿון ביידע ראַיאָנען.

די פֿאָלקסהויז אין קאַרעליטש

אויב אין ווילנער געגנט זײַנען די פֿאָלקסהײַזער אויסגעבויט געוואָרן אין אַזעלכע שטעטלעך ווי סמאָרגאָן, קרעווע און ווידז (און טיילווײַז אין ווישנעווע), וועלכע זײַנען דורך די מלחמה-געשעענישן אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער ערד און שפּעטער דאַנק דער אויפֿבוי-אַקציע צוריק אויפֿגעריכט, זײַנען אין נאָוואָגרודקער געגנט אויסגעבויט געוואָרן פֿאָלקסהײַזער אין קאַרעליטש, ליובטש און האָראָדישטש, דהיינו אין די דרײַ גרעסערע, צום שטאַרקסטן חורבֿ-געוואָרענע פֿון דער מלחמה שטעטלעך פֿון יענער געגנט און אויך ווי אין ווילנער געגנט צוריק אויפֿגעריכטע דאַנק דער אויפֿבוי-אַקציע.

קאַרעליטש ליגט 22 קילאָמעטער מיטן פֿור צו מזרח פֿון נאָוואָגרודאָק, צווישן ברייטע פֿעלדער פֿון פֿעטער שוואַרצער ערד. אין שטעטל גופֿא זײַנען נאָך שטאַרק קענטיק טיילן פֿון די געוועזענע פֿאַרפֿעסטיקונגען און טראַנשייען פֿון די מלחמה-פּאָזיציעס.

די שטעטל איז אַזוי ווי ווידז, אָבער בײַ אַנדערע נאַטור-באַדינגונגען, אַ בתּגסער ייִדישער ישוב, וועלכער לעבט פֿון קרעמערײַ און מלאָכה, אָבער טיילווײַז אויך פֿון גערטנערײַ, ווירטשאַפֿטס-מינים און ערדאַרבעט. צו וועלכער כּמעט די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג בײַם אָפּ־כּריען זיך האָט געהאַט גרויס חשק און האָט איר אָנער געמוזט וואָס ווײַטער אַלץ מער פֿאַרלאָזן צוליבן אומטערן זיך פֿון די בעלי-בתּים פֿון באָדן.

דאַנק דער איבערגעגעבענער אומדערמידלעכער אַרבעט פֿון פֿאָרזיצער פֿון קאַרעליטשער קאָמיטעט ה׳ גרשון עליאַשבערג און פֿון נאָך אייניקע אָרטיקע טוער ווי דער לערער שלום כּהן און אַנדערע האָט זיך אײַנגעגעבן אַ סך אויפֿצוטאָן געזעלשאַפֿטלעך אין דער דאָזיקער צערואינירטער שטעטל און אויך די פֿאָלקסהויז איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן פֿריער, ווי אין די איבעריקע צוויי פּונקטן פֿון נאָוואָגרודקער ראַיאָן.

דער בנין פֿון פֿאָלקסהויז איז ספּעציעל צוגעפּאַסט פֿאַר אַ פֿאָלקסשול. דאָס איז אַ פֿײַנע, גרויסע און פֿעסט-אויסגעבויטע הילצערנע איינגאָרנדיקע געבײַדע אויף אַ שטיינערנעם צאָקאָל.

די לענג פֿון בנין איז 11,64 קלאַפֿטער, די ברייט 6,04 קלאַפֿטער און די הייך אויסערן צאָקאָל (דער צאָקאָל האַלט 0,33 קלאַפֿטער אין דורכשניט) 1,85 קלאַפֿטער. די הייך פֿון די צימערן אינעווייניק איז 5 אַרשין 2 ווערשאָק, די אַלגעמיינע קובאַטור פֿון בנין איז 152 קלאַפֿטער.

דער בנין באשטייט פון 4 גרויסע קלאַס-צימערן, 1 ביבליאָטעק-צימער, 1 לערער-צימער, 1 גרויסער רעקרעאציאָנס-זאַל און אַ פאָרהויז. ביים אריינגאנג אין בנין איז געמאַכט אַ צעמענטענער גאַניק.

דער בנין פאַרמאָגט 17 פענסטער, 10 טירן און 4 אויוונס.

דער דאַך איז געדעקט מיט צעמענטענע דאַכעלקעס.

דער בנין איז געבויט אויף אַ קהלשן פלאַץ (פון שול-הויף), וואָס די שטעטל האָט געגעבן, אין אַ געזונטן און טרוקענעם אָרט.

דעם ווערט פון בנין פאַר דער קולטורעל-געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער שטעטל און באַזונדערס אַלס היים פון די קינדער איז נים אָפּצושאַצן.

ספּעציעל דער רעקרעאַציאָנס-זאַל, וועלכער האָט ביז 150 זיץ-פּלעצער, קען אויסגענוצט ווערן אויף אַלע נויטיקע שטאָטישע פאַרזאַמלונגען, קהלשע אַסיפות, פאָרשטעלונגען, קולטורעלע אונטערנעמונגען וכדומה.

ליובטש.

ליובטש ליגט 22 קילאָמעטער, מיטן פור, צו צפון פון נאָוואָגרודאָק. 6 קילאָמעטער די לענג אויפן וועג ליובטש-דעליאַטיטש זיינען נאָך שטאַרק קענטיק די רעשטן פון די מלחמה-פּאָזיציעס, וועלכע זיינען אויך געווען אין שטעטל נושא.

די שטעטל ליגט אויפן ניעמאַן און האָט אין שלום-צייטן געלעבט פון וואַסער (האָלץ און שטריק), איצט חוץ קרעמעריי און מלאכה אויך פון האַנדל מיט פערד און קי, פלאַקס און זוימען.

אין יאָר 1925 האָט די יידישע באַפעלקערונג באַטראָפן איבער 1000 נפשות.

דער בנין האָלט 6^{66} קלאַפטער די לענג אויף 6 קלאַפטער די ברייט, די הויך אינעווייניק 1^{66} קלאַפטער, אין דרויסן 1^{45} קלאַפטער. די אַלגעמיינע קובאַטור 66^{33} קלאַפטער.

בסך-הכל פאַרמאָגט דער בנין 6 קלאַסן-צימערן און 1 גרויסן זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען, חתונות, פאָרשטעלונגען וכדומה.

די שטעטל האָט אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון בנין, וואָס איז אַ היים פאַר די קינדער און פאַרזאַמלונגס-אָרט פאַר אַ געזעלשאַפטלעך-קולטורעלן לעבן.

האָראָדישטש.

האָראָדישטש איז נענטער צו באַראַנאָוויטש און ווייטער פון נאָוואָגרודאָק. די שטעטל ליגט 21 קילאָמעטער, מיטן פור, פון באַראַנאָוויטש און 36 קילאָמעטער, מיטן פור, צו דרום פון נאָוואָגרודאָק. אויפן וועג האָראָדישטש-באַראַנאָוויטש זיינען גוט קענטיק די שפורן פון די מלחמה-פּאָזיציעס.

די שטעטל ליגט אויף אַ באַרג. האָט געהאַט אין יאָר 1925 איבער 1500 יידישע איינוואוינער, וועלכע לעבן פון קרעמעריי, האַנדל און מלאכה. אַ באַזונדער האָראָדישטשער ספּעציאַליטעט איז שרייבן ספרי-תורות, מיט וואָס ס׳פאַרנעמען זיך פון אַלטע צייטן איינציקע ראשי-המשפחות אָדער ווייערע זין.

באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן די אַרבעט פון אַ גרופּע דעמאָקראַטיש-געשטימטע אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער ווי ה. י. וואָלאַך, מ. ליס (ווי אויך דער לערער סאָלאָמאָן) און אַנדערע, וועלכע האָט אַ סך אויסגעטאָן פאַר דעם אויפבוי פון זייער שטעטל בכלל און בפרט פאַר דעם אויפשטעלן דורך „יעקאָפּאָ“ דעם בנין פאַר דער פאָלקסשול.

דער בנין פאַרנעמט אינעווייניק 13^{55} מעטער די לענג אויף 11^{80} מעטער די ברייט און 3^{45} מעטער די הויך. די אַלגעמיינע קובאַטור—51^{22} קלאַפטער.

דער בנין האָט 4 קלאַסן-צימערן און אַ קאָרידאָר. אין בנין זיינען פאַראַן 12 פענסטער און 3 אויוונס.

די באַדייטונג פון בנין פאַר דער פאָלקסשול, וועלכע האָט אין שטעטל איבערגעגעבענע פריינד, ווי בכלל פאַר דער געזעלשאַפטליך-קולטורעלער אַנטוויקלונג פון האָראָדישטש איז זייער גרויס.

5.

אין די אָנגערופענע שטעטלעך זיינען ביים פאַרענדיקן די בנינים פאָרגעקומען חנוכת-הבית׳ן אָדער פייערונגען, קלענערע צי גרעסערע, מער יום-טובדיקע צו באַשיידענערע, אָבער אַלע מיט גרויס התלהבות און אָנערקענונג.

באַזונדערס פייערליך זיינען אריבער די חנוכת-הבית׳ן אין ווידז און אין קאָרעליטש. אין די שמחות, וועלכע האָבן געטראָגן אַ פאָלקס-כאַראַקטער, האָט זיך באַטייליגט די גאַנצע שטעטל. ס׳זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַראַנשטאַלטונגען און פאָרשטעלונגען און אַזאַ

די פאָלקסהויז אין ליובטש.

די פאָלקסהויז אין האָראָדישטש.

אויפריכטיקע פרייד האָט ניט געהערשט אין די שטעטלעך זינט זייער אויפבויאונג פון די מלחמה־חורבות. פאַר די קינדער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן באַזונדערע יום־טובים.

דער ווערט און די באַדייטונג פון די פאָלקסהייזער אלס בנינים פאַר יידישע פאָלקסשולן און בכלל פאַר דעם גאַנצן געזעלשאַפטליכן און קולטורעלן לעבן פון שטעטל איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אין פולן מאָס.

ס׳זיינען צוגויםגעשטעלט געוואָרן אקטן וועגן דער פאַרענדיקונג פון די בנינים און וועגן דעם איבערנעמען זיי דורך די אָרטיגע קהלות. א הארציקער דאַנק איז אויסגעדריקט געוואָרן פאַר די גרויסע און ממשותדיקע הילף דעם אמעריקאַנער דזשוינט דיסטריבושן קאָמיטעט און אויך „יעקאָפּאָ“ פאַר איר דורכפירונג און פאַרווירקליכונג פון דעם וויכטיגן אויפטו.

שפּעטער זיינען ווידער אָנגעקומען, דאָס מאָל מאַטעריעל, שווערע און ביטערע צייטן און דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אין יאָר 1925 דערגרייכט קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען, וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע. די באַפעלקערונג איז שרעקליך פאַראָרימט געוואָרן. די פאָלקסשולן זיינען סונדעסטוועגן פאַרבליבן אַלע עקסיסטירן און האָבן געפירט מיט איבערגעגבנקייט און ליבע זייערע וויכטיקע התחייבותן.

די פאָלקסהייזער ערפילן אַלע ווייטער זייערע פונקציעס און פאַרבלייבן די קהלשע עדות פון דער גרויסער אויפבויארבעט, וואָס האָט אויפגעריכט די חרוב־געוואָרענע פון דער מלחמה שטעטלעך און וואָס איז אויך געזעלשאַפטליך דערפירט געוואָרן ביז א מעגליכן געווינשטן סוף.

יתומים־פאַרזאָרגונג

א. קליאַנסקי און
מ. יעהוזעראָוו

די שווערע און שרעקלעכע וועלט־מלחמה, וואָס האָט חרוב געמאַכט לענדער און פעלקער, האָט לגמרי רואינירט אונזער געגנט און ועל כולם — די יידישע באַפעלקערונג.

אונזער געגענט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גרויסן מלחמה־פלאַץ, אויף וועלכן עס זיינען פאָרגעקומען גרויזאַמע שלאַכטן, שרעקלעכע פאַרוויסטונגען און צעשטערונגען פון אלטגעזעסענע ישובים און ביזן גרונט איז צעשטערט און צושמעטערט געוואָרן דער מאַטעריעלער באַזיס פון דער באַפעלקערונג.

די מלחמה האָט נאָך אָנגעשיקט אויפן יידישן קיבוץ פון אונזער קאַנט ספּעציעלע פּורעניות: פאַרשיידענע גרושים, קראַנקהייטן, גזירות און פאַרפאָלגונגען, רויבערייען, גזלות, פּאָגראָמען און אַנדערע תוכחה־אָנשיקענישן, וואָס איז שווער אויסצורעכענען און אויסצוציילן.

די אַלע געשעענישן און פּאַסירונגען אין אונזער געגנט האָבן זיך קאַטאַסטראָפאַל אָפּגערופן אויף די יידישע מאַסן.

דער האַנדל איז אָפּגעשטאָרבן. די מלאכה איז אונטערגעגאַנגען. דאָס רוב אונטערנעמונגען האָבן זיך ליקווידירט. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די צאָל געצוואונגענע ליידיק־גייער האָט זיך בהלהדיק פאַרמערט און קיינמאָל האָבן מיר ניט געהאַט אַזוי פיל יידן, וואָס האָבן ניט געהאַט פון וואַנען דעם טאָג איבערצולעבן און די מעגלעכקייט צו קריגן א טרוקן שטיקל ברויט פאַר זיך, ווייב און קינדער, ווי אין די יאָרן 20—1919.

איינער פון די באַפּולמעכטיקטע פון „יעקאָפּאָ“, וואָס האָט דעם גרויסן דלות אין די שטעטלעך אַליין געזען מיט די אייגענע אויגן, גיט אַזאַ בילד פון יידישן לעבן אין יענער צייט:

„די יידישע באַפעלקערונג פון אָשמענע, וואָס באַשטייט פון 1250 משפּחות הונגערט. א דריטל פון דער באַפעלקערונג עסט גראָז“ (אַן אויסצוג פון באַריכט פון 1־טן יולי, 1919־טן יאָר).

„הונדערטער פאַמיליעס זיצן אין נ—ק אָן ברויט. מען שפּייזט זיך מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, קלייען און אַנדערע אָפּפאַל.

דער בעטלען האָט זיך שרעקליך פאַרמערט און האָפענונגסלאָז איז געוואָרן די לאַגע פון נאָך פּסח 1919. אלס א פועל־יוצא פון הונגער און אומריינקייט האָט זיך אין פרילינג אָנגעהויבן א מוראדיקע עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס און פּאָקן פון דער באַפעלקערונג. כמעט אַלע אָרימע פאַמיליעס האָבן איבערגעקרענקט אָדער קריינקען אויף פאַרשיידענע מחלות. צוליב מאַנגל אין מעדיצינישער הילף, שלעכטע פלעגע און אָפּגעשוואַכטקייט — איז די שטערבלעכקייט אומגעהויער גרויס. עס קומען אויך פאָר 3—4 פאַלן אין דער וואָך, ווען מען שטאַרבט אויסשליסליך פון הונגער. עס האָט געטראָפן, אַז מענטשן זיינען גייענדיק אויפן פעלד און אין גאַס געשטאָרבן פון הונגער. עס האָבן אויך געטראָפן פאַלן, ווען מענטשן, וועלכע האָבן א לייענגערע צייט געהונגערט, האָבן געפונען זייער טויט פון איבערעסן זיך“.

„א גרויסער טייל פון די קינדער אין שול־עלטער האָבן צוליב די שווערע לעבנס־באַדינגונגען גאָרניט געלערנט. זיי האָבן געמוזט דורך טאָג־אַרבעט העלפן די עלטערן שפּייזן זייערע פאַמיליעס“. (נאָוואָגרודאָק, באַריכט פון 13 יולי 1919).

עס דערציט זיך איצט ביי אונז א יונגער דור פון עם־הארצים און ליידיק־גייער אָדער שנאָרער ...

צוליב די קליינע געלט־מיטלען, וועלכע דער יידישער קאָמיטעט האָט אין זיין רשות, האָט ער ניט געקענט קלערן וועגן די אַלע אָרימע 800 קינדער, וועלכע געפינען זיך ביי אונז. (נאָוואָגרודאָק, באַריכט פון 26־טן אויגוסט 1919).

דער יידישער שפּיטאָל האָט 25 בעטלאַך פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקע אויף טיפוס. דעזינטעריע און פּאָקן. ער איז איבערפולט. זייער פיל שווערע קראַנקע ווערן געבראַכט פון די אַרומיקע שטעטלעך: קאַרעליטש, ליובטש, דעליאַטיטש און ניישטאָט, וועלכע האָבן אין זייערע שטעטלאַך קיינע שום מעדיצינישע הילף ניט.

פיל אָנשטעקנדיקע קראַנקע ווערן ניט אָנגענומען צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. אַזעלכע קראַנקע ליגן אָן מעדיצינישע הילף, אָן רפואות און אָן פלעגע.

„דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג לעבט אין דחקות און הונגער. פיל משפּחות, דער עיקר נשרפים, וועמעס הייזער עס זיינען פאַרברענט צוליב מלחמה־סבות, גייען נאַקעט און באָרוועס. ס׳זיינען פאַרשפּרייט פאַרשיידענע קראַנקהייטן, הויפּטזעכלעך — טיפוס. פון דער קראַנקהייט שטאַרבן פיל מענטשן (סאָל, נאָוועמבער, 1919־טן יאָר).

אלס רעזולטאַט פון אַזאַ גרויסער שטערבלעכקייט וואַקסט די צאָל יתומים אַלץ גרעסער און גרעסער. שוין אָפּגערעדט פון די יתומים, וועמעס פאָטערס זיינען אומגעקומען אויף מלחמה אָדער פון פאַרשיידענע באַנדעס אין די אַלערליי פּאָליטיש־מיליטערישע איבערגאַנגען, וואָס האָט דורכגעמאַכט אונזער געגנט.

און אויב די מלחמה האָט אַלעמען אָנגעגרירט, איז דער חורבן געווען א כפל־כפלימדיקער צווישן די קינדער בכלל און יתומים בפרט. דער יתום האָט, לויט זיין איינגאָרטיקן פיזישן און גייסטיקן בוי און לויט זיין געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישן מצב, מער ווי אַלע געליטן פון דער מלחמה.

דורכגעלעבט די שרעקלעכסטע געשע־

ענישן. געפּלאָגט אין הונגער און פּײַן. פֿאַרמשפּט אויף עלנט און פֿאַרוואָרלאָזקייט, האָבן די יתומים געליטן גייסטיק און פֿיזיש.

די אומנאָרמאַלע לעבנס-באַדינגונגען, די שווערע ליידן און זאָרגן האָבן צובראָכן דעם יתומס גוף און פֿאַרקריפּלט זײַן נשמה.

„כמעט אַלע יתומים פֿון אונזער שטאָט און פֿון די דערבײַיִקע ישובים — שרײַבט דער הילפֿס-קאָמיטעט פֿון נ—ק. וואָס זײַנען אונטערגעזוכט געוואָרן פֿון דאָקטאָר, האָבן אַ קלענערע וואָג אין פֿאַרגלײַך מיט נאָרמאַלע קינדער אויף גאַנצע 20—25 פּראָצענט. דער ברוסט-היקף איז קלענער און אַ באַדײַטנדיקער פּראָצענט יתומים זײַנען קראַנק אויף פֿאַרשיידענע אינערלעכע קראַנקהייטן“ (סעפּטעמבער, 1919)

„פֿיל יתומים וואַלגערן זיך ממש אויף די גאַסן, גייען אום פּוסט און פּאַס, שנאָרענען, בעטלען און גייען אויס פּשוט פֿון הונגער.

עס איז שווער פֿאָרצושטעלן זיך זייערע פּנימער. בלייכע, געלע, אויסגעצערטע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן וואַרפֿן זיי אַרום זיך אַ שרעק“, אָט אַזוי שילדערט דעם מצב פֿון די יתומים דער פֿאָרשטייער פֿון „יעקאָפּאָ“, וואָס האָט באַזוכט א-נע אין אויגוסט, 1919-טן.

יענע צייט, דער יאָר 1919, האָט געהערט צו דער אַזוי גערופֿענער הונגער-תקופה. ווען סאָלעכץ פֿון קאַרטאָפֿל איז געווען אַ „אידעאַל“, וואָס ניט יעדערער האָט זיך עס געקאָנט פֿאָרשטעלן, דאָס איז געווען אַ „יקר-המציאות“ און ווער עס האָט דאָס געהאַט, האָט זיך גערעכנט צווישן די גליקליכע. דאָס רוב האָט זיך די יידישע באַפֿעלקערונג, דער עיקר אין די קליין-שטעטלעך, געשפּייזט מיט אייגנאַרטיקע מאכלים, וועלכע עס איז בײַ מער ווייניקער נאָרמאַלע באַדינגונגען, שווער צו באַנעמען מיטן שכל. דער פֿאַרשפּרייטסטער מאכל איז געווען שצאַוול (שצאַוויי-גראָז) פֿאַרמישט מיט „גישט“, ווי מען פֿלעגט עס אָנרופֿן, ד. ה. מיט גאָרניט. ברויט איז געווען ניט בנמצא, אָבער לחלוטין ניט. עס איז ניט צו גלויבן, אָבער עס איז אַ פֿאַקט. ווייטער האָט מען זיך געשפּייזט מיט „קראָפּיווע“, „פּירניק“ און אַנדערע צמחים.

„יעקאָפּאָ“ האָט אין יענער צייט אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון קינדער-פֿאַרזאָרגונג. ראַטעווען די קינדערשע נפשות איז געוואָרן דער לאָזונג פֿון טאָג. די דערוואַקסענע וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן — און דאַן האָט „יעקאָפּאָ“ אַנטוויקלט אַ נעץ פֿון קינדער-קיכן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון אונזער געגנט.

די פֿראַגע פֿון קינדער-פֿאַרזאָרגונג האָט אָנגעהויבן טראָגן אַ מלוכה-כאַראַקטער. עס איז אַנטשטאַנען די באַוואוסטע געזעלשאַפֿט (ק. פּ. ד.) „קאָמיטעט פּאָמאָצי דעטיאַם“, וועלכע האָט געפֿירט איר טעטיקייט אויף אַמעריקאַנער געלטער. אין דעם קאָמיטעט האָט „יעקאָפּאָ“ געהאַט אירע פֿאָרשטייער און באַקומען אַ סובסידיע מיט פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן פֿאַר די קינדער-קיכן.

דער פֿיזישער מצב פֿון די יידישע קינדער איז געווען, אָבער, אַזאַ, אַז עס האָט ניט געקלעקט דער ראַציאָן, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון ק. פּ. ד. און „יעקאָפּאָ“ האָט כמעט מער פֿון העלפֿט דערלייגט פֿון אייגענע מיטלען.

פֿון גאַנצן קאָמפּלעקס עלנדן קינדער-מאַטעריאַל, האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעשיילט „דאָס עלנדסטע קינד“ — דער יתום. זײַן מאָגערער פּנים און דאַריינקער גוף האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט פֿון די רייען קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּייזט אין דער קינדער-קיך.

מיט דער נאָרמאַליזירונג פֿון עקאָנאָמישן לעבן האָבן פֿיל קינדער גענומען אָפּפֿאַלן, זייער צאָל איז געוואָרן קלענער. אַנדערש איז געווען מיט די יתומים זייער צאָל איז קלענער ניט געוואָרן, זייערע עלטערן האָבן פֿון קבר ניט געקאָנט אויפֿשטיין און זיי העלפֿן.

די פֿראַגע פֿון קינדער-פֿאַרזאָרגונג איז אַזוי אַרויס פֿון איר אייגן קרייז און געפֿאָדערט אַן ערלייזונג פֿון געזעלשאַפֿטליכן כאַראַקטער. „יעקאָפּאָ“, וועלכע האָט לכתחילה, אויף יעדער אַקציע, וועלכע איז דורכגעפֿירט געוואָרן, געקוקט מצד דעם געזעלשאַפֿטליכן פֿאַרנעם פֿון דער עובדה, האָט אויך דאָ איינגעזען, אַז בנוגע דער יתומים-פֿאַרזאָרגונג דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אַן אַנדער מאָס און אַנדערע מיטלען. און אויב תיכּף ומיד קען נאָך ניט געשאַפֿן ווערן עפּעס ממשותדיקס, וואָס זאָל ראַדיקאַל ענדערן די לאַגע פֿון יתום, דאַרף מען אָבער געפֿינען די וועגן און צילן, וועלכע זאָלן אויף שפּעטער אין גרונט אויסוואָרצלען די גאַנצע תמיכה-סיסטעם און לייזן די פֿראַגע אויף אַ פּראָדוקטיוון אופֿן: שאַפֿן פֿון זיי נוצליכע מענטשן, וועלכע זאָלן זיך קענען מיט דער צייט אַליין פֿאַרזאָרגן.

כדי צו פֿאַרווירקליכן דאָס אין לעבן, האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ פֿאָרשטעלונג פֿון צאָל און מצב פֿון די יתומים אין געגנט. צוליב דעם איז אונטערגענומען געוואָרן אַ גענויע אויספֿאָרשונג איבער דער גאַנצער פּראָווינץ.

פֿון דער אויספֿאָרשונג, וועלכע איז פֿאָרגעקומען סוף 1919 און האָט אַרומגענומען 53 שטעט און שטעטלעך פֿון געגנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס געפֿינען זיך 1536 יתומים אין עלטער ביז 14 יאָר. פֿון זיי 739 ייִנגלעך און 797 מיידלעך. אַלע מלחמה-יתומים, וועמענס עלטערן זײַנען אומגעקומען אין דער מלחמה דירעקט אָדער אומדירעקט.

דער מצב זייערער איז געווען אַ שוידערליכער.

אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז געווען איבערגעלאָזן ממש אויף הפֿקר. פֿיל קינדער נאַקעטע און באָרוועסע זײַנען געגאַנגען איבער די הייזער. די גאַס מיט אירע שלעכטע השפּעות האָט קאַטאַסטראָפֿאַל געווירקט אויפֿן מאָראַליש-גייסטיקן מצב פֿון די פֿאַרלאָזענע קינדער.

די יתומים זײַנען געווען פֿאַרמשפּט אויף פֿולשטענדיקן אונטערגאַנג און דעגענעראַציע. אויף דעם אופֿן האָט זיך „יעקאָפּאָ“ פֿאַרטראַכט וועגן די יתומים און וועגן דער פּראָדוקטיוויזירונג ווייטער נאָך דאַן, ווען די גאַנצע הילף איז באַשטאַנען בלויז אין איינפֿאַכער תמיכה אָן אַ סיסטעם און אָן אַ ממשותדיקן צוועק. די אויספֿאָרשונג איז אויך געווען בלי-ספֿק די ערשטע אין גאַנץ פּוילן, וועלכע האָט דורכגעפֿירט אַ גענויע סטאַטיסטיק פֿון מצב און צאָל פֿון די יתומים אין ווילנער און נאָוואָגרודקער געגנט.

פֿון ווערטער האָט מען געדאַרפֿט אַריבערגיין צו מעשים: עס האָט געדאַרפֿט געשאַפֿן ווערן עפּעס ממשותדיקס, וואָס זאָל אַריינטראָגן אַן איבערבראָך אין עצם פֿון דער ביז איצטיקער אַרבעט.

עס זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן פֿאַרשיידענע מיטלען, אויף וועלכע עס האָט זיך געפֿאָדערט גרויסע געלטער אום צו רעאַליזירן זיי אין לעבן. מיט דער צייט האָט געלונגען צו פֿאַראינטערעסירן דעם „דזשוינט“ אין שטיצן די יתומים דורך אינטערנאַטן, וועלכע טראָגן הגם אָפֿיציעל דעם כאַראַקטער פֿון ווידער-אַמאָל אויסהאַלטן דעם פֿיזישן מצב פֿון די קינדער, אָבער וועלכע זײַנען פֿאַקטיש אין משך פֿון דער צייט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַנשטאַלטן, וואָס האָבן דערצויגן די קינדער צו אַ רעאַל-ממשותדיקן לעבן.

אַזוי גייען מיר צו צו דער גרינדונג פֿון צענטראַלן אינטערנאַט פֿון „יעקאָפּאָ“, וועלכער האָט סיסטעמאַטיש דורכגעפֿירט אין לעבן אַ טייל פֿון די אָנגעמערקטע צילן.

דער צענטראַלער אינטערנאַט.

דעם 24-טן פֿעברואַל פֿון 1920-טן יאָר האָט דער פּלענום פֿון „יעקאָפּאָ“

אויסהערנדיק דעם באַריכט פון ה' מ. שאַליט וועגן דעם מצב פון די יתומים אין אונזער געגנט און דעם רעפעראַט פון ד״ר ה. קאָוואַרסקי וועגן די פרינציפן פון קינדער-פאַרזאָרגונג בכלל און פון די יתומים בפרט, באַשלאָסן איבערצוגעבן דער עקזעקוטיווע די צוגרייטונג פון אַ געהעריקן פלאַן פון יתומים-פאַרזאָרגונג און אים דורכצופירן אין לעבן.

צוליב דעם צוועק איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון 4 פערזאָן (מ. שאַליט, ד״ר ה. קאָוואַרסקי, פרל. ל. ר. לעווין און מ. יעקוועראָוו). וואָס האָט באַדאַרפט אויסאַרבעטן און צושטעלן דער עקזעקוטיווע דעם אַנטשפרעכנדיקן פלאַן.

אין דעם 8-טן אַפריל ד. י. האָט די עקזעקוטיווע בנוגע דער פראַגע אָנגענומען פאָלגנדיקע הויפט-באַשלוסן: 1) עפענען אַן אינטערנאַט פאַר 70 יתומים וואָס זאָל זיין גוט און מוסטערהאַפט אָפגעשטעלט אין אַ פאַסנדן בנין מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן; 2) ביי דער אויפנאַם וועט די בכורה אָנגעגעבן די יתומים, וואָס האָבן גאָר ניט קיין קרובים אָדער זיי קענען זיי ניט אויסהאַלטן; 3) סיקענען אויך אָנגענומען ווערן קינדער מיט פאַחאוס. פאַר די לעצטע וועט געעפנט אַ ספעציעלע אָפטיילונג ביים אינטערנאַט.

דער לעצטער באַשלוס איז ביי יענער צייט געווען זייער אַ וויכטיקער, ווייל די אויבנדערמאָנטע מחלה איז געווען זייער פאַרשפרייט צווישן די פאַרוואָרלאָזטע קינדער.

די אָרגאַניזיר-אַרבעט פון יתומים-הויז, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פרעבעליסטין ל. ר. לעווין, איז צוגעגאַנגען אַדאַנק איר איבערגעבנקייט און דער געהעריקער ענערגיע זייער געשווינד און שוין דעם 28-טן אַפריל איז דער אינטערנאַט געווען געעפנט. אין הסכם מיטן באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע האָט זיך דער אינטערנאַט געעפנט אין איינעם פון די שענסטע בנינים אין פיינעם פאָרשטאָטיקן ווינקל פון ווילנע אויף אַנטאָקאָל (לעסנע, 5). דער בנין איז באַשטאַנען פון 17 וואוין-צימערן, אויסער צוויי וואַנע-צימערן, אַ קיך און ביי-צימערן אויף פאַרשיידענע באַלעבאַטישקייט-הצטרכותן. דער צווייטשטאָקיקער בנין האָט זיך געפונען אויף אַ בערגיקן אָרט, אַרומגערינגלט מיט סאָסנע-בוימער, פון וועלכן עס זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַלע זייטן טעראַסן, וואָס האָבן געפירט אין אַ גרויסן סאָד און גאָרטן.

די פאַקטישע עפענונג פון אינטערנאַט איז באַשטימט געוואָרן אויף פסח, צו וועלכער צייט די שטעטלדיקע הילפס-קאָמיטעטן האָבן געבראַכט די אָנגענומענע 72 קינדער, וואָס זיינען געקומען פון 38 פונקטן פון ווילנער פראָווינץ.

צווישן זיי זיינען געווען 41 גאַנצע יתומים און די איבעריקע האַלבע.

לויטן עלטער זיינען די קינדער געווען פאַרטיילט אויפן פאָלגנדיקן אופן:

צאָל קינדער	אין עלטער פון
1	7 יאָר
3	8 "
10	9 "
12	10 "
13	11 "
8	12 "
16	13 "
9	14 "
72	7—14

לויטן געשלעכט — 43 יינגלאַך און 29 מיידלאַך. דער געזונט-צושטאַנד איז געווען ניט קיין באַפרידיקנדער. 10 יתומים האָבן געליטן אויף פאַרשיידענע האַרץ-קראַנקהייטן, 21 אויף פאַחאוס, 12 זיינען געווען זייער בלוט-אָרעם.

עס איז איבעריק דערביי צו באַטאָנען, אַז די קינדער זיינען גענומען געוואָרן פון אַ פאַרשיידנאַרטיקער סביבה.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ באַשטימטן און איינהייטלעכן פלאַן פון דער אינערלעכער אַרבעט.

קיין אויסוואַל פון די קינדער נאָך די יאָרן, מדרגה פון וויסן, געוואוינהייטן און סביבה האָט ניט געקענט זיין לויטן עצם מהות פון אַנשטאַלט, ווייל געבן עסן די הונגעריקע, אָנטאָן די נאַקעטע און באָרוועסע, היילן די קראַנקע און געבן אַלע קינדער אַ וואַרעמע היים — איז געווען און האָט געמוזט זיין דער איינאיינציקער הויפט-ציל ביי יענער צייט.

אַ שווערע אויפגאַבע איז אויסגעפאַלן אויף דער פאַרוואַלטערין ל. ר. לעווין: שטעלן אויף די פיס 72 קינדער.

קודם כל האָט מען איזאָלירט אין באַזונדערע צוויי צימערן די פאַחאוס-קראַנקע און עס איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ ספעציעלער דאָקטאָר צו היילן זיי. גלייכצייטיק האָט מען איינגעלאַדן נאָך אַ דאָקטאָר, וואָס האָט באַזוכט אַלע קינדער 3 מאָל אַ וואָך (ד״ר ציספלער און נאָך זיין אַוועקפאָרן ד״ר לעווין) און אַ פעלדשערין, וואָס האָט זיך שטענדיק געפונען אין אינטערנאַט, און אונטער וועמענס אויפזיכט עס האָט זיך געפונען די אינטערנאַט-אַמבולאַטאָריע און אַן אַפטייקל.

דער מעדיצינישער פערסאָנאַל האָט זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיטן היילן, און האָט זיך אַלזייטיק און סיסטעמאַטיש פאַרנומען מיט אויספאָרשן דעם געזונט-צושטאַנד פון די קינדער.

אויפן סמך פון די אויספאָרשונגען האָט זיך איינגעשטעלט אַ ראַציאָן, אַ באַזונדערער פאַר די געזונטע און אַ ספעציעלער פאַר די קראַנקע און שוואַכע. מצד פון קאָמיטעט „יעקאָפאָ" זיינען ניט געקאַרגט געוואָרן קיין געלט-מיטלען אויף דערנערונג און מעדיצינישע הילף.

אַזוי, למשל, פלעגן די שוואַכע קינדער באַקומען, אויסער דעם געוויינלעכן ראַציאָן, צו 250 גראַם (אַ גלאָז) מילך אַ טאָג 3 מאָל אין וואָך אַ פאַרגרעסערטע פאָרציע פלייש, 2 פונט חלה אַ וואָך, פרוכט, גריס און אַנדערע דערנערונגס-מיטלען.

וואָס איז שייך בילדונג, איז אין דער תקופה אויף דעם געביט ניט געפירט געוואָרן קיין סיסטעמאַטישע אַרבעט. די דערציער, האָבן, אמת, אונטעריכט איינציקע למודים, אָבער דאָס לערנען איז געווען אַן אגב-אורחאַדיקס און מען האָט זיך ניט געהאַלטן ביי אַ באַשטימטן פלאַן און סדר. דער טראָפ איז געווען געשטעלט הויפטזאַכלעך אויף די דערציערישע זייט. די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן און די פאַרבונדענע מיט זיי אַלערליי שווערע איבערלעבונגען האָבן אָפגעשוואַכט און ממש צעבראָכן די קינדער סיי פיזיש, סיי גייסטיק.

אין יענער צייט, אין די ערשטע חדשים פון זייער אויפהאַלטן זיך אין אינטערנאַט, האָט ניט געקענט זיין קיין שום רייד וועגן אַ וועלכער עס איז סיסטעמאַטישער בילדונג.

קרעפטיקן זייער אויסגעהלשטן און אויסגעצערטן גוף און גייסטיק זיי אויפהייבן איז געווען די דרינגענדיקסטע און נייטיקסטע אויפגאַבע פון דעם מאָמענט.

אגב איז דער מאָמענט אויסגעפאַלן אין די זומער-חדשים, זייער אַ פאַסיקע צייט אויף צו פאַרשטאַרקן די קינדער פיזיש און ווען עס קומען ממילא ניט פאָר קיין נאָרמאַלע למודים. פאַר דעם זומער האָבן זיך די קינדער טאַקע גוט דערהיילט. אויך אין דערציערישן פרט איז זייער פיל דערגרייכט געוואָרן; די קינדער האָבן באַקומען אַ

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

נאָרמאַלן גייסטיק-מאָראַלישן פּרצוף.

אַזוי אַרום איז צום סוף זומער פון 1920-טן יאָר צייטיק געוואָרן דער געדאַנק צו באַוואָרענען די קינדער מיט שול-בילדונג.

עפענען אַ ספּעציעלע פאָלקסשול איז געווען אוממעגליך צוליב מאַטעריעלע טעמים און צוליב אַ ריי אַנדערע סיבות. און דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוגעבן אַלע קינדער פון שול-עלטער אין אַנטאָקאָלער פאָלקסשול, וואָס איז געווען די איינציקע אין יענעם ראַיאָן. דער אָפּהאַלט און שטער איז אָבער געווען דער שרעקלעכער מצב פון שול-בנין: די פענסטער, ראַמען, שויבן און טירן זיינען געווען אויסגעבראָכן, מיט איין וואָרט דער בנין איז געווען אַן אמתע חורבה.

און זאָל דאָ, אַגב אורחא, פאַרצייכנט ווערן, אַז ניט איין צענדליק שויבן איז אויסגעזעצט געוואָרן דורך די פלינקע הענט פון די שכנישע קריסטלעכע קינדער, וועמען די יידישע פאָלקסשול האָט פאַרשאַפט אַ שלעכטן געמיט און „שטימונג“.

דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ האָט רעמאָנטירט דעם בנין און נאָכדעם ווי עס זיינען געשאַפן געוואָרן די אויסערלעכע באַדינגונגען פאַר אַ נאָרמאַלער שול-אַרבעט, זיינען אָהין אָפּגעגעבן געוואָרן די אינטערנאַט-קינדער.

כדי צו פאַרבינדן דעם אינטערנאַט מיט דער שול, פלעגן פּעריאָדיש פאָרקומען געמיינזאַמע זיצונגען און באַראַטונגען פון פּעדאַגאָגישן ראַט פון שול מיט די מיטאַרבעטער פון אינטערנאַט. (אַלע מיטאַרבעטער פון אינטערנאַט אויסער, פאַרשטייט זיך, דעם טעכנישן פּערסאָנאַל האָבן פאַרמאָגט אַ געהעריקע פּעדאַגאָגישע אויסבילדונג). אויף די באַראַטונגען פלעגן אויך בייזיין פאַרשטייער פון קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“. אייניקע פון זיי פלעגן פון צייט צו צייט באַזוכן די שול און בייזיין אויף די למודים. עטלעכע אַזעלכע באַזוכונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך די ה״ה ד. קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי און א. קליאַנסקי.

די אינטערנאַט-לערער פלעגן השגחה געבן אויף די צוגרייטונג פון די אַרויס-געגעבענע אויפגאַבן אין דערהיים שול-לעקציעס און האָבן אָנגעפירט מיט זייער אויסער-שול-בילדונג און אַנטוויקלונג.

צו יענער צייט האָט זיך ביים אינטערנאַט געעפנט אַ ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל ביכער פון דער יידישער און העברעאישער קינדער-ליטעראַטור. מיט דער ביבליאָטעק האָט אָנגעפירט אַ לערערין.

אין די פרייטאָגדיקע און שבתדיקע אָוונטן פלעגן פאָרקומען פאָרלעזונגען, פאַרווײלונגען און קינדער-קאָנצערטן (ביים אינטערנאַט איז געווען אַ ראַיאַל און אַ פאַרווײלונגס זאַל).

אויף אַ געהעריקער הויך איז געווען אויפגעשטעלט אַ דאַנק דעם פאַרוואַלטער ה׳ מ. סאָלאָוויי די פיזישע אַנטוויקלונג.

מען האָט זיך, אָבער, ניט באַנוגנט נאָר מיט „מדרש“ אַליין און מען האָט געזאָרגט ניט אין אַ קלענערער מאָס אויך וועגן „מעשה“.

בהדרגה האָט מען איינגעפירט אין יתומים-הויז דעם אַרבעטסמעטאָד און אַרויסגערופן דורך פאַרשיידענע מיטלען די זעלבסטטעטיקייט פון די קינדער.

דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די אָנווענדונג פון אַרבעטספּרינציפּ אין אינטערנאַט איז געווען ממש אַ נויטווענדיקייט.

ביים גרעסטן רוב קינדער, ניט געקוקט, וואָס זיי האָבן געשטאַמט פון די אָרימסטע שיכטן פון דער קליינשטעטלדיקער באַפעלקערונג, איז געווען אַן איינגעוואָרצלטע פאַראַכטונג צו האָרעוואַניע און אַ בטול צו אַרבעט, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון אַ דורכגעפירטער אַנקעטע און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן גאַנץ בולט אין דער ערשטער צייט פון זייער פאַרברענגען אין אינטערנאַט.

דערציִען אין די קינדער אַרבעטס-פעאיקייט און אַרבעטסלוסט איז געווען אַ מוז, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון זייער אָרעם לעבן ביזן אָנקומען אין אינטערנאַט און אויך פון דעם שטייגער לעבן, צו וועלכן מען האָט זיי באַדאַרפט צוגרייטן.

און דעריבער זיינען אַלע געביטן פון אינטערנאַט-לעבן איבעראָרגאַניזירט געוואָרן אין דער ריכטונג פון אַליינאַרבעט און זעלבסטפאַרוואַלטונג.

שטוביקע אַרבעט. 6½ פרי פלעגן די קינדער אויפשטיין. אַליין פאַרבעטן די געלעגערס, אויסקערן, צוקלייבן די צימערן, אָנרייבן די פּאָדלאָגעס, דערלאַנגען און צונעמען פון טיש, וואַשן די געשיר און אויסראַמען דעם עסצימער.

דערנערונגס-קאָמיסיע. האָט פאַרוואַלטעט מיט דעם עסנוואַרג-שפּייכלער. אַרויסגעגעבן אין קיך פּראָדוקטן צום קאָכן, מעל דעם בעקער (ביים אינטערנאַט איז געווען אַן אייגענע בעקעריי), געבראַכט פון דעם שטאָטישן „יעקאָפּאָ“-לאַגער די געהעריקע פּראָדוקטן, געמאַכט מיט דער מיטהילף פון די דערציִער אַלערליי איינקויפונגען אין שטאָט א. א. װ.

די קינדער האָבן לויט אַ פעסטגעשטעלטער ריי אויך געאַרבעט אין קיך און געטאָן אַלע שוואַרצע אַרבעט, ווי וואַשן געשיר, רייניקן קאַרטאָפל און גלייכצייטיק זיך געלערנט קאָכן.

ווירטשאַפטס-קאָמיסיע. האָט פאַרוואַלטעט מיטן וועש-לאַגער, וועש-ריי, געשיר-אַלמער, קיך-מכשירים. אין רשות פון דער קאָמיסיע האָט זיך אויך געפונען דער האָלץ-לאַגער. פון צייט צו צייט פלעגן די קינדער אַליין צוזעגן די האָלץ און אַריינטראָגן אין אינטערנאַט.

סאַניטאַר-היגיענישע קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט געזאָרגט און אויפגעקוקט אויף די ריינלעכקייט פון אינטערנאַט.

די קינדער האָבן זיך געמוזט וואַשן אַלע אינדערפרי ביז העלפט אין קאַלטן וואַסער, און פאַרן שלאָפן — די פיס. יעדער קינד האָט געהאַט אין וואַנע-צימער זיין אייגן שטיקל זייף, זיין צאָנבערשטל, אַ באַזונדערן האַנטוך.

באַוואָרענען יעדן איינציקן מיט דעם אַלץ און אַכטונג געבן, אַז די קינדער זאָלן ווי געהעריק דערפילן די סאַניטאַר-היגיענישע פאַרשריפטן — איז געווען די פליכט פון דער אויבנדערמאָנטער קאָמיסיע.

גאָרטן- און סאָד-קאָמיסיע. ביים אינטערנאַט איז געווען אַ גרויסער גאָרטן און אַ סאָד. אונטער דער אָנפירונג פון אַ לערער פלעגן די קינדער אַרבעטן אין גאָרטן. די פאַרטיילונג פון דער אַרבעט און די פאַרוואַלטעריי האָט געהערט דער קאָמיסיע.

די קאָמיסיע פלעגט באַטראַכטן און צוזאַמען מיט די לערער באַשליסן וואָס און אין וועלכער מאָס צו פאַרזייען, פלעגט אויף יעדן אַרבעטסטאָג באַשטימען לויט דער ריי אַ געוויסע צאָל קינדער אויף צו יעטן, באַגיסן די די בייטן, אַראָפּנעמען פון גאָרטן, אָפּוועגן, אָפּמעסטן און אַריינברענגען די אַראָפּגענומענע פּראָדוקטן און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון פאַרווענדונג.

די גאַנצע געשעענישן פלעגט פאַרשריבן ווערן אין אַ ספּעציעלן אַריינגאַנג-און אַרויסגאַנג-בוך.

ביבליאָטעק-קאָמיסיע. האָט פאַרוואַלטעט מיט דער ביבליאָטעק און לייענזאַל. די קאָמיסיע האָט אָנגעפירט מיט דער ביבליאָטעק לויטן מוסטער פון ביבליאָטעק פאַר דערוואַקסענע: עס איז געווען איינגעפירט אַן אינווענטאַר-

בוך. אן אבאנענטן-בוך, אבאנענטן-קארטעס וכדומה.

בראש פון די פארשידנארטיקע קאמיסיעס איז געשטאנען אן אויסגעוויילטע פארוואלטונג, וואס האט אנגעפירט מיט דער פילפאך-פארצווייגטער ארבעט.

מצד דעם קאמיטעט פון „יעקאפא״ איז אויסגעשטעלט געווארן א ספעציעלע קאמיסיע ביים אינטערנאט פון די ה״ה הרב ש. פריד, א. רודניצקי און א. קליאנסקי, וועלכע איז געשטאנען אין א דירעקטן קאנטאקט מיט דער פארוואלטונג פון אינטערנאט.

די פארוואלטונג האט שטענדיק אפגעהאלטן אירע זיצונגען אין דער אנוועזנהייט פון די דערציער, וואס האבן געהאט באראטונגס-רעכט.

אדאנק די פריינדלעכע און חברישע באציאונגען, וואס האבן זיך איינגעשטעלט צווישן די לערער מיט די קינדער, זיינען קיינמאל ניט פארגעקומען די קלענסטע רייבונגען צווישן דער פארוואלטונג און פעדאגאגישן ראט.

די פארוואלטונגס-מיטגלידער האבן זיך שטענדיק באצויגן מיטן גרעסטן צוטרוי און ניט געצוואונגענעם דרך-ארץ צו די מיינונגס-פארשידנהייטן פון די לערער, אויב אזעלכע פלעגן ארויסגעזאגט ווערן.

און פאקע אדאנק דעם ארבעטסמעטאד און דער אליינטעטיקייט, וואס איז סיסטעמאטיש דורכגעפירט געווארן דורך אלע כאזענען פון דעם טאג-טעגלעכן אינטערנאט-לעבן, זיינען די קינדער פסיכאלאגיש צוגעגרייט געווארן צו דער נייער תקופה, ווען דער בית-יתומים האט אינגאנצן אויפגעהערט צו זיין א מיטל און איז געווארן א ציל.

אויפן סדר-היום פון גענגס-קאמיטעט „יעקאפא״ האט זיך מיט דער גאנצער הארבקייט אוועקגעשטעלט די פראגע פון צוגרייטן די קינדער צו א זעלבסטשטענדיקן לעבן אין דער צוקונפט, פון באזארגן די קינדער פון 12 ביז 14 יאר מיט א פאך אין האנט.

און די שאלה איז פארענטפערט געווארן. דעם 15-טן יאנואר 1921-טן יאר האט זיך ביים אינטערנאט געעפנט אונטער דער אנפירונג פון ה׳ א. קראל א שוסטעריי-ווארשטאט, וואס איז באשטאנען פון 4 טישן, צו 4 קינדער אויף א ווארשטאט.

אין שוסטעריי-ווארשטאט האבן זיך געלערנט 17 יינגלעך. דאס לערנען פלעגט פארקומען 5 טעג אין וואך, פון 4 ביז 7, נאך א צוויי-שעהדיקער הפסקה פון די למודים אין פאלקס-שול, וואס איז געווען באזוכט פון אלע קינדער.

כדי דורכצופירן אן איינהייטלעכע ערציאונגס-סיסטעם האט דער פארוואלטער פון שוסטעריי-ווארשטאט געארבעט אין פולסטן קאנטאקט מיט די פעדאגאגישע ראטן פון אינטערנאט און פאלקס-שול.

דער זעלבסטפארוואלטונגס-פרינציפ פון די קינדער, וואס איז געווען איינגעפירט אין אינטערנאט, איז אויך געווען שטרענג אפגעהיט אין ווארשטאט.

די זעלבסטפארוואלטונג פון שוסטעריי-ווארשטאט איז באשטאנען פון צוויי קאמיסיעס: א קאמיסיע צו פארוואלטן מיט די רוי-שטאף און אויסגעארבעטע מאטעריאלן און א צווייטע — אויסצופאסן אויף די מכשירים.

אדאנק דער פאכקענטשאפט און איבערגעגעבנקייט פון פארוואלטער ה׳ א. קראל האבן די קינדער געהאט א גרויסע פעולה, וואס איז זיינער צייט געווען ניט איינמאל באשטעטיקט פון א ריי פאכקענער.

נאך עטלעכע חדשים ארבעט האבן די קינדער שוין באוויזן צו פארריכטן די אייגענע שיך.

אין די לעצטע לערן-חדשים זיינען זיי געווארן די איינאיינציקע באשוכער פון די אינטערנאט-קינדער.

דער שוסטעריי-ווארשטאט האט עקסיסטירט 14 חדשים: דעם 1-טן אפריל 1922 האט ער זיך געשלאסן.

ביי שוסטעריי זיינען פארבליבן אלע יינגלעך; 6 ארבעטן ביי ווילנער האנטווערקער און די איבעריקע אלס זעלבסטשטענדיקע בעלי-מלאכות אין ווילנער פראווינץ. און אלע פארדינען אויף חיונה. דערביי מוז פארצייכנט ווערן, אז די דערציאונג און אנטוויקלונג, וואס די יונגטלעכע ארבעטער האבן באקומען אין אינטערנאט און פאלקסשול, איז ניט געגאנגען לאיבוד און איז זיי שפעטער שטארק צוניץ געקומען אין זייער אייגענעם לעבן, וואס איז באשיינט געווארן מיט א קולטורעלן אינהאלט.

די טעטיקייט פון קאמיטעט „יעקאפא״ אויפן געביט פון פראפעסיאנעלער בילדונג צווישן די אינטערנאט-קינדער האט זיך ניט באגרעניצט מיטן שוסטעריי-ווארשטאט אליין.

אויסער די אויבנדערמאנטע קינדער, האט דער קאמיטעט „יעקאפא״ אפגעגעבן 6 קינדער אין די שול-ווארשטאטן פון „הילף דורך ארבעט״ אין ווילנע: 3 יינגלעך (1 — אין דער אפטיילונג פון שילדן-מאלעריי און 2 — אין שניידער-אפטיילונג) און 3 מיידלעך (2 — וועשנייטעריי און 1 — שניידעריי).

אויף אזא אופן זיינען איינגעארדנט געווארן די פוליעריקע קינדער, וועלכע האבן זיך געפונען אין אינטערנאט ביז זיין פארמאכט ווערן.

נאכדעם ווי די אלגעמיינע לאגע האט זיך געענדערט און „יעקאפא״ האט געפונען פאר צייטיק צו שליסן דעם צענטראלן אינטערנאט, דעם 1-טן מאי 1922 יאר, זיינען די איבעריקע קינדער פון אינטערנאט פארבליבן אונטער דער השגחה פון „יעקאפא״, ביז זיי זיינען אינגאנצן באזארגט געווארן:

11 מינדעריקע יתומים זיינען אריבערגעפירט געווארן אין די קינדער-אינטערנאטן אין איוויע, נאוואגרודאק, אשמענע און „אחיעזער״ — ווילנע; 3 זיינען אפגעפארן קיין אמעריקע; 4 זיינען אפגענומען געווארן דורך קרובים. וועמענס מאטעריעלער מצב עס האט זיך פארבעסערט: 12 זיינען איינגעארדנט געווארן אין די שטעטלעך ביי זייערע קרובים און ווערן געשטיצט דורך „יעקאפא״; 8 זיינען איינגעארדנט ביי א פאך אין ווילנע. און 11 ביי פארשיידענע פאכן אין די שטעטלעך. ווען מיר וועלן צוגעבן דערביי די 23 קינדער, וועלכע האבן זיך געלערנט א פאך פריער, וועט זיך באקומען א קלארער בילד פון די 72 קינדער, וואס זיינען געווען אין אינטערנאט.

ווי עס צו זען, זיינען פון די 72 קינדער איינגעארדנט געווארן ביי פאכן 40 קינדער, ד. ה. 55% פון אלע קינדער.

פון זיי האבן 21 געענדיקט דעם טערמין און זיינען שוין זעלבסטשטענדיק. 19 קינדער לערנען זיך נאך און אינגיכן וועלן אויך זיי קענען נעמען פארדינען.

אזוי ארום זיינען 40 קינדער געווען אפגעראטעוועט פון אן אומניצלעכן לעבן און זיינען אויסגעהאדעוועט און דערצויגן געווארן פאר פראדוקטיווע און זעלבסטשטענדיקע מענטשן.

מיט דער גאנצער אביעקטיוויקייט קען פארצייכנט ווערן, אז די אויפגאבן, וואס דער קאמיטעט „יעקאפא״ האט זיך געשטעלט ביים גרינדן דעם אינטערנאט, זיינען דערגרייכט געווארן בשלימות.

פאר די דערגרייכטע רעזולטאטן האט מען דער עיקר צו פארדאנקען פרל. ל. לעווין, מ. סאלאוויי, י. א. אראנאוויטש, וועלכע האבן אין פארשיידענע צייטן פארוואלטעט מיטן אינטערנאט, און די דערציערינס פרל. כאווזער, ס. גאסקא, פ. גורוויטש, ב. לעווינסאן, וואס האבן ניט געקארגט קיין כוחות און צייט און האבן מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט געארבעט לטובת דעם אנשטאלט.

אינטערנאַטן אין דער פּראָווינץ.

פּאַראַלעל מיט דער אַרבעט אויפן געביט פון יתומים-פאַרזאָרגונג, וועלכע איז געפירט געוואָרן אין ווילנע דורך דעם צענטראַלן אינטערנאַט פון „יעקאָפּאָ“, איז אויך אַנטשטאַנען אַ פאַרצווייגטע אַרבעט אין די אינטערנאַטן, וועלכע האָבן עקסיסטירט אויף דער פּראָווינץ.

אזוינע אינטערנאַטן זיינען געווען און עקסיסטירן אַלע ביז היינט — 4: אין נאָוואָגרודאָק, לידע, איוויע און אָשמענע.

די אינטערנאַטן אין נאָוואָגרודאָק און לידע זיינען געשאַפן געוואָרן לכתחילה דורך די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער אונטערן דרוק פון שרעקלעכן עלנט און נויט פון די יתומים. די אינטערנאַטן אין איוויע און אָשמענע זיינען געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון „יעקאָפּאָ“ און מיט איר דירעקטער מיטהילף.

יעדער אינטערנאַט האָט זיך זיין קאַפּיטל צרות, ליידן און איבערלעבענישן. אָבער צוגלייך דערמיט זיינען פאַרהאַן צו פאַרנאָטירן באַפרידיגנדע מאָמענט פון אויפטו און ערפאָלג און דערהויפּט דעם באַוואוסטזיין, אַז יונגינקע פאַרלאָזענע נפשהלעך האָבן אַ שוץ און אַ וואַרימע היים. ניט אומזיסט האָבן די אינטערנאַטן די גרעסטע אָנערקענונג מצד דער אָרטיקער געזעלשאַפט.

„יעקאָפּאָ“ האָט אָפּגעגעבן די אינטערנאַטן פיל אויפמערקזאַמקייט און האָט זיי געשטיצט, הגם אויף דעם האָט דער נעגנטקאָמיטעט די ערשטע צייטן קיין ספּעציעלע געלטער ניט באַקומען. שפּעטער, ווען די אַקציע אויפן געביט פון יתומים-פאַרזאָרגונג האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט דאַנק דער גרויסער הילף פון ד. ד. ק., זיינען אויך פאַר די אינטערנאַטן אָנגעקומען מאַטעריעל-בעסערע צייטן און „יעקאָפּאָ“ האָט די אינטערנאַטן באַזאָרגט ניט נאָר ווי ווייט מעגלעך לויט די דירעקטע צילן, ווי עסן, דירה און הלבשה, נאָר האָט זיך אויך באַמיט צו פאַרבעסערן די איינריכטונגען אין די בנינים, אַסיגנירנדיק סומען אויף צו דערבויען חדרים, רעמאָנטן, אויסשטאַטונג און שאַפן דערמיט אַ באַקוועמערע, האַרציקערע היים פאַר די קינדער.

א. נאָוואָגרודאָק.

דער עלטסטער אינטערנאַט אין געגנט. אַרויסגערופן דורך דער שווערער דייטשער אָקופּאַציע, איז ער געגרינדעט געוואָרן אין אָקטאָבער 1917 דורך אַ גרופּע יוגנט (מיטראָפּאָליטאַנסקי, וואָלפּקינד, צאַסאָוושטשיק, אייזיקאָוויטש, איזראַעליס, שלום און דוד כהן). פאַר די 8 יאָר וואָס דער אינטערנאַט עקסיסטירט, האָט ער דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים, געהאַט ירידות און עליות, שטענדיק, אָבער, געווען באַגלייט מיט דער זאָרגפעליקייט פון דער אָנפירנדער פאַרוואַלטונג.

אָנגעהויבן האָט ער זיין טעטיקייט ביי 10 קינדער. ביסלעכווייז האָט ער זיך אַנטוויקלט און פאַרגרעסערט הן די צאָל קינדער והן די צאָל צימערן, אַזוי, אַז צו יולי 1919 האָט שוין די צאָל קינדער דערגרייכט ביז 31 און דער אינטערנאַט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן איינגעאָרדנטן בנין פון 8 חדרים, פון וועלכע 2 זיינען באַשטימט געוואָרן אויף עס-צימערן, 3 שלאָף-צימערן, 1 שפּיל-צימער 1 קיך און 1 קאַנצעליאַריע.

אין דעם משך צייט פון אָקטאָבער 1917 ביז יולי 1919 איז דער אינטערנאַט אויסגעהאַלטן געוואָרן אויף אייגענע מיטלען: פאַרשיידענע נדבות, מיטגלידס-אָפּצאָל, ספּעקטאַקלען און אַנדערע פאַרווײַלונגען, — אָן קיין שום זיכערקייט אין עקסיסטענץ.

אין יולי 1919 איז די נאָוואָגרודקער געגנט אַריינגעצויגן געוואָרן אין טעטיקייטס-געביט פון „יעקאָפּאָ“ און עס איז אַסיגנירט געוואָרן די ערשטע גרעסערע געלט-סומע פאַר דעם אינטערנאַט.

מיט דעם האָט זיך, אייגנטלעך, אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער אַרבעט פון אינטערנאַט, וועלכער האָט אָנשטאָט צופעליקע הכנסות אָנגעהויבן צו באַקומען אַ שטענדיקע און סטאַנדהאַפטיקע מיטהילף. עס איז, דעריבער, קיין חידוש ניט, אַז דאָס האָט צוגעגעבן מוט און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער אינטערנאַט האָט זיך פאַרגרעסערט ביז 54 קינדער.

אינטערנאַט אין נאָוואָגרודאָק (אויסערליכער אויסזען ווינטער-צייט).

מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון פּראָטאָקאָל פון אויגוסט 1919: „דער קינדערהיים, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן 31 יתומים, האָט געעפנט אַן אָפּטיילונג און צוגענומען נייע 23 יתומים. ביזעס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פון 83 קינדער, אַלע שרעקלעך אָרימע. אָבער אויך די נייע 23 קינדער זיינען צוגענומען געוואָרן, סומך זייענדיק זיך אויף די הבטחות פון „יעקאָפּאָ“.

די אַרבעט האָט זיך וואָס פון טאָג אַלץ מער אַנטוויקלט. די קינדער האָבן באַקומען בעסער עסן, האָבן גענומען ניט נאָר „פאַרזוכן“ פלייש, ווי עס איז ביז דאַן געווען, צוליב געלט-מאַנגל, נאָר דאָס באַקומען פלייש-שפּייז איז געוואָרן אַ שטענדיקע זאַך פון 3 מאָל אַ וואָך. פון אַ פערטל פונט ברויט אַ טאָג איז מען אַריבער צו „זאַט“-ברויט: די קינדער האָבן געגעסן צוזאַט. דער ברויט-אַלמער איז געעפנט געוואָרן. מען דאַרף ווידעראַמאָל געדענקען, אַז דאָס איז געווען אין דער הונגער-צייט, ווי מיר האָבן געשילדערט פריער. און אַז די מראה האָט זיך פאַרבעסערט און דער הונגער איז געלינדערט געוואָרן, האָט מען זיך אָפּגעגעבן מער מיט „רוחניות“.

די דערוואַקסענע יתומים זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין פאָלקס-שול, די עלטערע — צו בעלי-מלאכות. כוח צו אַרבעטן איז שוין געווען. און, אַז מען קומט „צווישן לייטן“ — האָט מען געלייגט מער אַכט אויף דער הלבשה. די קינדער זיינען אויסגעקליידט געוואָרן. דער נעבעכדיקער יתום — דער קרוער-בלוא׳ער — האָט זיך אויך אָנגעטאָן ווי אַ מענטש.

צום שבח פון דער פאַרוואַלטונג מוז געזאָגט ווערן, אַז זי האָט זיך דאַן אָפּגעגעבן מיט אַ גרויסער התמדה צו דער אַרבעט, האָט אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן און אָפּטמאָל מער פון די מעגלעכקייטן.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן די באַזונדערס האַרציקע באַציאונג מצד דעם פאַרוואַלטער און אָנגעשטעלטע פון אינטערנאַט צו די כראָנישע חולאים-קינדער און קריפּלען, וועלכע זיינען דאַן געווען ביים אינטערנאַט. זיי האָבן זיך דאָך מער פון אַלעמען גענייטיקט אין אַן אויפזיכט און וואַרימער באַהאַנדלונג און דאָס האָבן זיי געפונען.

אַזוי האָט זיך געצויגן ביז יולי 1920. „יעקאָפּאָ" פלעגט מאָנאַטלעך אַרויסגעבן אַן אַלגעמיינע סומע פאַרן אינטערנאַט אויף דערנערונג, באַקליידונג און אויך אויף רעמאָנטן פון צייט צו צייט, און מיט דעם געזיכערט זיין עקזיסטענץ.

אין יולי 1920—אין דער איבערגאַנגס-צייט—ווען נאָוואָגרודאָק איז געווען אָפּגעריסן פון ווילנע, האָט דער אינטערנאַט איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן קריזיס. מען האָט זיך געשפּייזט אויסשליסלעך מיט ברויט און האָבער. צו דעם איז צוגעקומען די מגפה, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַ בליץ-שנעלקייט און האָט אַוועקגעריסן פון אינטערנאַט 3 יונגע יתומים. שפּעטער, אַז נאָוואָגרודאָק איז ווידער פאַרייניקט געוואָרן מיט ווילנע און מען איז ווידער געקומען אין פאַרבינדונג מיט „יעקאָפּאָ", האָט זיך דער מצב נאָך אַמאָל געביטן צום גוטן און עס איז פאָרגעזעצט געוואָרן די אַרבעט מיט נאָך מער ענערגיע. אַזוי האָט זיך געצויגן ביז אָנהויב יאָר 1922

יתומים-הויז אין סלאָנים

די קינדער פון סלאָנימער יתומים-הויז ביי דער אַרבעט אין גאָרטן.

אָנהויב 1922 האָט די יתומים-אַרבעט אין פוילן אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם און כאַראַקטער: עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם ד. ד. ק. די אַזוי גערופענע אַדאָפּטאַציע, וועגן וואָס מיר וועלן ריידן גענויער שפּעטער. ממילא האָט זיך אויך געביטן דער אופן פון שטיצן דעם אינטערנאַט. צו יענער צייט האָבן זיך אין אינטערנאַט געפונען 50 יתומים. (3 יתומים זיינען, ווי געזאָגט, געשטאָרבן און איינער איז אַרויס פון אינטערנאַט). פון דער אַלגעמיינער צאָל יתומים זיינען 30 אַדאָפּטירט געוואָרן דורך דעם געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" לויט די יסודות פון ד. ד. ק. און די איבעריקע 20 זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג פון קינדערהיים אויף אָרטיקע מיטלען.

די אַדאָפּטאַציע האָט אַזוי אַרום געווירקט, אַז די זעלבסט-איניציאַטיוו פון דער פאַרוואַלטונג פון אינטערנאַט זאָל זיך פאַרשטאַרקן. די קאָמיטעטן האָבן טעטיק געאַרבעט און ס'זיינען דורכגעפירט געוואָרן איינציקע רעפאָרמען, וועלכע האָבן זייער גוט געווירקט אויף די קינדער. דהיינו: עס איז איינגעלאַדן געוואָרן אַן ערציערין אין אינטערנאַט, עס איז פאַרקאָנטראַקטירט געוואָרן אַ דאָקטאָר, וועלכער פלעגט יעדן טאָג באַזוכן דעם אינטערנאַט. אַ גרעסערע צאָל קינדער איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו בעלי-מלאכות און אַ טייל מיידלעך האָט זיך געלערנט האַנטאַרבעט ביים אינטערנאַט גופא. די פאָלקס-שול האָט אַריינגענומען אין זיך אַלע קינדער אין שול-עלטער און די פאַר-קינדער האָבן באַזוכט אַן אָוונט-שול. דער אינטערנאַט האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון זיין אינעווייניקסטער אָרגאַניזירונג און האָט אויך פאַרגרעסערט די צאָל קינדער ביז 60.

דער בנין איז שוין אָבער ניט געווען צוגעפּאַסט צו זיין אויפנאַמע. ער איז געווען אַלט און אָפּגעלאָזן און אויך צו ענג פאַר 60 קינדער. מען האָט זיך געווענדעט צו דער נאָוואַראָדקער קהילה, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם בנין, וואו ס'האָט זיך געפונען אַ קינדער-קיך, וועלכע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די קהילה האָט איבערגעגעבן דעם בנין אין רשות פון אינטערנאַט און מען איז צוגעטראָטן צו רעמאָנטירן דעם בנין. לייגנדיק גלייכצייטיק אויך דעם יסוד פאַר אַ נייעם בנין פון 12 אַרשין אויף 23, וועלכן מען האָט געוואָלט דערבויען צום קיך-בנין.

געלט אויף דעם האָט לכתחילה געגעבן דער נאַוואַראַדקער רעליעף אין אַמעריקע און טיילווייז האָט מען אויסגעזאַמלט פון שטאָט. צו ענדיקן דעם בנין איז, אָבער, נאָך געווען אַ מרחק-רב און עס האָט זיך געצויגן ווי פון [illegible] דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך געלאָזט פילן זייער שטאַרק. שטאָט האָט ניט געקאָנט מער געבן, דער רעליעף האָט אויך ווייטער קיין געלט ניט געשיקט, און „יעקאָפּאָ" האָט געמוזט נעמען אויף זיך די דורכפירונג פון דער זאַך.

עס האָט זיך איינגעגעבן צו באקומען פון דעם פארבאנד פאר יתומים פארזאָרגונג אן איינמאָליקע סובסידיע אויפן בנין און מיט דעם איז אַנטגילטיק געמאכט געוואָרן א סוף צו דער אומנאָרמאלער לאַגע.

מיטן אויסבויען דעם נייעם בנין האָט דער אינטערנאַט דערגרייכט די מדרגה פון א מאָדערנעם אַנשטאַלט. עס איז געלייגט געוואָרן אַכט אויף דער איינעווייניקסטער איינריכטונג. די הילצערנע בעטן זיינען מיט דער הילף פון „יעקאַפּאָ“ אומגעביטן געוואָרן אויף אייזערנע. עס איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם אינטערנאַט וועש און קליידונג.

דער בנין באַשטייט פון צוויי טיילן — רעפּאַנטירטער אַלטער בנין און דערבויטער נייער. די לענג פון ערשטן איז 11,18 מעטער, די ברייט 8,20 מ. און די הויך — 3 מעטער. די לענג פון דערבויטן בנין איז 15,50 מעטער, די ברייט 8,17 מ. און די הויך 3 מעטער. די אַלגעמיינע קובאַטור פון גאַנצן בנין איז 647,57 מעטער.

אין נאָוועמבער 1924 איז דער בנין ענדגילטיק פאַרענדיקט געוואָרן און דעם 7-טן דעצעמבער 1924 איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער חנוכת-הבית פון נייעם בנין אין דער אָנוועזנהייט פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט, פאָרשטייער פון די אַרומיקע שטעטלעך און עקזעקוטיוו-מיטגלידער פון „יעקאָפּאָ“.

דער ענטוזיאַזם פון די געסט האָט נאָך אַמאָל באַוויזן, אַז די סימפּאַטיעס צו דעם אַנשטאַלט זיינען זייער גרויס.

אָבער אינגיכן זיינען אָנגעקומען שווערע צייטן פאַרן אינטערנאַט. דער ד.ד.ק. האָט שטאַרק רעדוצירט די שטיצע און די סובסידיע פון „יעקאָפּאָ“ האָט זיך צוליב געלט-מאַנגל געמוזט פאַרקלענערן. די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט געטאָן, וואָס נאָר מעגלעך, אָבער דער אָנגעקומענער עקאָנאָמישער קריזיס האָט דערפירט די מעגלעכקייטן ביז א מינימום. דער מאַטעריעלער מצב פון אינטערנאַט איז ווידער געוואָרן קריטיש. פון די 60 קינדער זיינען פאַרבליבן נאָר 40. א טייל זיינען אָפּגעפאַלן, ווייל זיי האָבן געענדיקט א פאַך און געוואָרן זעלבסטשטענדיק, א טייל ווידער זיינען אָפּגעפאָרן צו זייערע קרובים אין רוסלאַנד אָדער אַמעריקע.

אין גוטע צייטן וואָלטן אָנגענומען געוואָרן אויף זייער אָרט אַנדערע קינדער. איצט האָט מען זיך דעם לוקסוס ניט געקענט פאַרגינען און די צאָל קינדער איז פאַרבליבן דיזעלבע.

עס איז געווען א געמאַטערטער לעבן. עס האָט גענומען אויספעלן עסן. די קינדער האָבן געליטן הונגער. מען פלעגט אָפטמאָל חלשן פון שוואַכקייט.

אין מערץ 1925 האָט זיך אין נאָוואָגרודאָק באַזעצט דער אַדוואָקאַט גומענער, געוועזענער פאָרזיצער פון דער יתומים-קאָלעגיע ביים ד.ד.ק. אין וואַרשע. ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם יתומים-הויז און האָט אָנגענומען ענערגיש צו אַרבעטן לטובת זיין אַנטוויקלונג צוזאַמען מיט א ריי אָרטיקע טוער. דעם 22-טן מערץ 1925 איז פאָרגעקומען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פון דער „געזעלשאַפט פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין נאָוואָגרודאָק“. מען האָט אָנגעווענדט די לעצטע קרעפטן צו באַהערשן די לאַגע.

מען האָט זיך געווענדעט צו שטאָט: קערות, עליות, נדרים, ספּעקטאַקלען. עס האָט ביסלעכווייז געהאָלפן. מען האָט זיך געווענדעט צו די אַרומיקע שטעטלעך ליובטש—קאָרעליטש. עפּעס איז געוואָרן.

מען האָט זיך אויך געווענדעט צו דער רעגירונג (סאָציאַלע פאַרזאָרגונג), צום סיימיק און מאַגיסטראַט. נאָך לאַנגע השתדלותן האָט מען בעפועלט: דער מאַגיסטראַט האָט געגעבן אַן איינמאָליקע סובסידיע פון 500 זל. די אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלע פאַרזאָרגונג ביי דער וואָיעוואָדסטווע און דער סיימיק האָבן אַסיגנירט צו 200 זל. מאָנאַטלעך. אונטער דער צייט האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די שטיצע פון „יעקאָפּאָ“ — דער ד.ד.ק. האָט ווידער אָנגעהויבן א פאַרגרעסערטע יתומים-אַקציע — און די לאַגע פון אינטערנאַט האָט זיך פולשטענדיק געביטן.

ווידער האָט מען זיך אָפּגעגעבן ניט נאָר מיט דערנערונג. נאָר מען האָט אַריינגעבראַכט נייע תקונים. געלייגט אַכט אויף דער בילדונג, געשיקט א פאָרשטייער אין עלטערן-קאָמיסיע פון דער פאָלקס-שול, אָוונט-שול און דורכגעפירט אייניקע רעמאָנטן.

מען האָט זיך אויך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט די 10 טראַכאָמאַ-קראַנקע קינדער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אינטערנאַט און זיי פולשטענדיק אויסגעהיילט.

אין יאָר 1926 איז די לאַגע געווען פאָלגנדע:

קינדער זיינען געווען אין אינטערנאַט 33 — 22 מיידלעך און 11 יינגלעך.

פון זיי זיינען קיילעכדיקע יתומים—21.

אָן א פאָטער—12.

12 יתומים לערנען זיך מלאכה: 6 שניידערינס 2 שניידער, 2 וועשנייטערינס, 1 סטאָלער און 1 פאָטאָגראַף.

8 קינדער פון די פריערדיקע יתומים, וועלכע זיינען שוין אַרויס פון אינטערנאַט זיינען געוואָרן אינגאַנצן זעלבסטשטענדיק: 1 פאָטאָגראַף, 1 צאָן-טעכניקער, 1 סטאָלער, 2 שניידערינס און 3 שניידער.

ב. לידע.

דער אינטערנאַט אין לידע האָט זיך געגרינדעט אין מיטן יאָר 1919, נאָכדעם ווי די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען דעם געביט.

דאָס איז געווען אָקאָרשט נאָך דער איבערגאַנגס-צייט אין עטלעכע חדשים נאָכן אָפּטרעטן פון די דייטשן. ס'זיינען נאָך קוים געווען פאַרענדיקט די קאַמפן צווישן די פּאָליאַקן מיט די באָלשעוויקעס.

די געשעענישן האָבן געשאַפן א שרעקלעכע אַטמאָספער אין די אַרומיקע שטעטלעך. און פון דער סביבה און ישובים האָט מען זיך צונויפגעזאַמלט אין דער גרעסערער שטאָט. ס'האָט זיך גענומען באַמערקן א גרויסע דעמאָראַליזאַציע צווישן די קינדער פון דער פרעמד — דער עיקר יתומים — און דאַן איז צייטיק געוואָרן דער געדאַנק וועגן גרינדן א יתומים-הויז, וועלכער איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן. די קינדער זיינען, דער עיקר, רעקרוטירט געוואָרן פון די אָנגעלאָפענע פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי אויך פון די דירעקטע מלחמה-יתומים פון דער שטאָט לידע גופא.

עס איז געדונגען געוואָרן א בנין פון 7 חדרים, וועלכער איז איינגעטיילט געוואָרן אויף פאָלגנדן אופן: 2 חדרים זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף שלאָף-צימערן, 1 חדר — אַן עס-צימער, 1 צימער פאַרן פּערסאָנאַל, 1 איזאָלאַציע-צימער, א קיך און א שפּיזאַרנע.

בראש פון אינטערנאַט איז געשטאַנען אַן אויסגעקליבענע פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געהאַט אויפן אינטערנאַט די פולע השגחה.

ווי געוויינלעך, איז דער אינטערנאַט, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די נויטן פון דער שטאָט, געשטיצט געוואָרן לכתחילה דורך לידע גופא. נדבות איז געווען דער הויפּט-מקור, וואָס האָט געדעקט דעם בודזשעט. שפּעטער, אַז דער ד.ד.ק. האָט אַנטוויקלט א ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון תמיכה — האָט אויך לידע נהנה געווען דערפון און בממילא איז אויך דער אינטערנאַט באַזאָרגט געוואָרן.

עס דאַרף, דערביי, צוגעגעבן ווערן, אַז הגם „יעקאָפּאָ“ האָט שוין צו יענער צייט געאַרבעט ווייט אין געגנט און אַרומגענומען אַזא גרויסן שטח, ווי גאַנץ

ווילנער און נאָוואָגרודקער ראַיאָנען דאַך איז די שטאָט לידע, צוליב פאַרשיידענע סיבות, ניט אַריינגעגאַנגען אין טעטיקייטס־געביט פון „יעקאָפּאָ״, אזוי, אַז לידע איז געווען אַ פּונקט פאַר זיך, וועלכער האָט געקראָגן שטיצע דירעקט פון ד.ד.ק. פון וואַרשע.

סוף יאָר 1921 איז לידע איינגעשלאָסן געוואָרן אין „יעקאָפּאָ״־געביט און דערמיט איז אויך דער אינטערנאַט געשטעלט געוואָרן אונטער דער אויבערשטער השגחה פון „יעקאָפּאָ״.

אַ קורצע צייט איז אויסגעקומען דעם אינטערנאַט צו געניסן פון געוויינליכער תמיכה, און באַלד צום אָנהויב יאָר 1922 איז כּמעט אַריבער צו דער נייער אַדאָפּטאַציע־סיסטעם מיט אירע פּראָדוקטיווע מאָמענטן.

אין משך פון דער צייט איז דער בנין רעמאָנטירט און צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר זיין ציל. עס זיינען אויך איבערגעביטן געוואָרן די הילצערנע בעטלעך אויף אייזערנע, די בעטגעוואַנט און די אויבערשטע וועש זיינען באַניט געוואָרן א. א. וו. עס איז געלייגט געוואָרן אויפמערקזאַמקייט אויף די קליידונג און שוכונג פון די קינדער.

ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ גאַנץ באַפרידיגנדיקער שפּייז־ראַציאָן, די קינדער זיינען צוגעוואוינט געוואָרן צו נעמען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער בעל־הביתישקייט, פאַרריכטן וועש, וואַשן און טאָן אַלע אַנדערע אַרבעטן.

אין סאַניטאַר־מעדיצינישער הינזיכט איז אַ סך געטאָן געוואָרן: אַלע קראַנקע קינדער זיינען אויסגעהיילט געוואָרן, צווישן זיי פּאַוואָוס־קראַנקע א. א.

די עלטערע קינדער האָט מען אָפּגעגעבן צו בעלי־מלאכות צו לערנען זיך אַ פאַך.

ערגער שטייט דער ענין מיט בילדונג. לידע איז אַ יוצא מן הכלל אין דער גאַנצער געגנט: אין דער צייט ווען אומעטום אין געגנט עקסיסטירן יידישע אָדער העברעאישע שולן, איז אַזאַ ניט בנמצא אין לידע, דער גרעסטער שטאָט אין דער ווילנער פּראָווינץ.

עס עקסיסטירט אין לידע אַ פּוילישע פאָלקס־שול פאַר יידישע קינדער און אין דער שול לערנען זיך אויך די אינטערנאַט־קינדער פון שול־עלטער. אייניקע קינדער באַזוכן אויך די תלמוד־תורה.

ביים אינטערנאַט איז פאַראַן אַ דערציערין, וועלכע גיט אַכטונג אויף די קינדער און מאַכט מיט זיי די לעקציעס.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער אינטערנאַט עקסיסטירט, האָבן זיך אויסגעהאַלטן אין אים 50 קינדער.

פון זיי האָבן 17 באַקומען פאַך־בילדונג: 1 סטאָלער, 1 בלעכער, 1 קירזשנער, און 14 שניידער און שניידערינס.

אין יאָר 1926 האָבן זיך געפונען אין אינטערנאַט 33 יתומים: 13 יינגלעך, 20 מיידלעך. פון זיי 10 קיילעכדיקע יתומים און 23 אָן אַ פאָטער.

פאַך־למודים לערנען זיך 17 יתומים:

די פאַכן זיינען פאָלגנדע: 7 שניידער, 6 שניידערינס, 1 סטאָלער, 1 קירזשנער, 1 בלעכער, און 1 פּוצמאַכערין.

אַלגעמיינע למודים לערנען זיך די פאַך־קינדער אין אָוונט ביי אַ פּריוואַטן לערער.

אין הינזיכט פון באַקומען אַ געוויסע שטיצע פון מאַגיסטראַט איז לידע געווען איינע פון די ערשטע שטעט, וואָס איז צו פאַרדאַנקען דער ענערגישער אַרבעט מצד דער יתומים־קאָמיסיע.

דער אינטערנאַט האָט אויך אַ קליינע הכנסה פון די 6 מאָרג שטאָטישע ערד, וועלכע איז דורך דעם מאַגיסטראַט אָפּגעגעבן געוואָרן אין רשות פון אינטערנאַט צו באַאַרבעטן. דאָס באַזאָרגט דעם אינטערנאַט מיט קאַרטאָפל און שאַר ירקות.

ג. איוויע.

אין יאָר 1920 איז איוויע באַזוכט געוואָרן דורך דעם פאָרשטייער פון איוויער רעליעף אין אַמעריקע ה׳ אַלעקסאַנדער האַרקאַווי און באַפולמעכטיקטן פון „יעקאָפּאָ״ י. וואַלק מיטן צוועק אויסצוצאָלן די געלטער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן פון די איוויער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג אין איוויע איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס געלט צו פאַרווענדן ניט נאָר אויף סתם צדקה, נאָר אויך אויף ממשותדיקע ענינים.

אַלס רעזולטאַט פון דער זיצונג איז דעם 25 מיי 1920 געעפנט געוואָרן דער אינטערנאַט אין איוויע פאַר 34 קינדער אין אַ געדונגענער וואוינונג.

דאָס געלט, וועלכע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דעם צוועק, איז אָבער געווען צו קנאַפּ און דעריבער האָט „יעקאָפּאָ״ גענומען אויף זיך די גאַנצע אויסשטאַטונג, ווי באַזאָרגן דעם אינטערנאַט פולשטענדיק מיט אַלע מינים וועש, בעטגעוואַנט, מכשירים, הלבשה און באַשוכונג, קאָלדרעס, ליילעכער, האַנטיכער א. אַז. וו.

דער אינטערנאַט האָט אויך געקראָגן אַ מאָנאַטלעכע סובסידיע פון „יעקאָפּאָ״ אויף דערנערונג, רענטאַנט פון דער דירה און אַדמיניסטראַציע. חוץ דעם פלעגט פון צייט צו צייט צוגעשיקט ווערן געלט פון איוויער רעליעף, וועלכע פלעגן פאַרווענדעט ווערן אויף די לויפנדע הוצאות פון אינטערנאַט.

דער אינטערנאַט האָט זיך אַזוי ביסלעכווייז גענומען אַנטוויקלען און די דירה איז געוואָרן צו ענג און ניט צוגעפּאַסט. מען האָט, דעריבער, גענומען טראַכטן וועגן אַן אייגענעם בנין; מען האָט זיך וועגן דעם געווענדעט אין אַמעריקאַנער רעליעף, וועלכער האָט צוגעשיקט 900 דאָלאַר אויפן חשבון פון בויען אַ בנין. דאָס איז געווען אין יאָר 1921. ס׳זיינען מאָביליזירט געוואָרן די אָרטיקע כּוחות און ס׳האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אויך ביי דער באַפעלקערונג (פון נדבות) אַ סומע פון 500 דאָלאַר.

מען האָט אויסגעמיט אַ בנין די גרויס פון 9×12, אין וועלכן עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן נאָר די שלאָף־צימערן. די קיך און דער עס־צימער געפינען זיך אין אַ דערבייאיקער הויז. אויף דעם אופן געפינט זיך דער אינטערנאַט אין 2 בנינים. דאָס איז אָבער געווען אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך, נעמענדיק אין אכט, אַז די סומע, וועלכע מען האָט באַקומען און צונויפגעקליבן, האָט בשום אופן ניט געקלעקט אויף אָפּצובויען אַ גרעסערן בנין.

פאַר דער צייט פון דער עקסיסטענץ פון אינטערנאַט האָט די פאַרוואַלטונג זיך געפלייסט צו מאַכן באַקוועמער דעם לעבן פון די קינדער, וואָס געפינען זיך אונטער איר השגחה. דער אויפבויען דעם בנין איז געווען אַ התחלה פון שאַפן אַ ווינקל, אין וועלכן עס זאָל קענען אָפּגעהיט ווערן די ריינלעכקייט פון די קינדער, וואָס עס איז אוממעגלעך געווען אין פריערדיקן אַלטן בנין, וועלכער איז געווען אויף העלפט אַ חורבה.

„יעקאָפּאָ״ האָט איבעראַנייס אַרויסגעגעבן וועש און בעטגעוואַנט, האָט אויך דערמעגלעכט אומצובייטן די הילצערנע בעטלעך אויף אייזערנע. פאַר די קינדער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן קליידער, שיך און אויבערשטע מלבושים.

ביי דער שפּעטערדיקער אַדאָפּטאַציע איז דער מאַטעריעלער מצב פון אינטערנאַט פאַרפעסטיקט געוואָרן.

פאַר דער צייט, וואָס דער אינטערנאַט עקסיסטירט, זיינען אין אים געווען 42 קינדער, וועלכע זיינען אויסגעהאַלטן און דערצויגן געוואָרן. אַלע קינדער אָן אויסנאַם. אויב זיי זיינען נאָר געווען אין שול־עלטער, זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער יידישער פאָלקס־שול און „תלמוד תורה״. וועלכע האָבן עקסיסטירט און עקסיסטירן אין איוויע.

די קראנקע און שוואכע קינדער זיינען באזאָרגט געוואָרן מיט מעדיצינישע הילף.

די גרעסערע קינדער זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן צו בעלי-מלאכות, אין אָוונט נאָך דער ארבעט האָבן זיי זיך געלערנט פארשיידענע לימודים. ס״ה האָבן באקומען פאך-בילדונג 23 קינדער: 19 שניידער און 4 שוסטער.

אין יאנואר 1926 האָבן זיך געפונען אין אינטערנאט 22 יתומים: 10 יינגלעך און 12 מיידלעך. פון זיי קיילעכדיקע יתומים 5 און אָן א פאָטער 17. מלאכה לערנען זיך: 12 קינדער — 3 שניידער, 8 שניידערינס און 1 שוסטער.

פון די פאך-קינדער זיינען שוין זעלבסטשטענדיק געוואָרן 3 שוסטער און 9 שניידער, וועלכע פארדינען שוין פאר זיך.

ד. אָשמענע.

דער אינטערנאט האָט זיך געעפנט דעם 3-טן יאנואר 1921 לויט דער איניציאטיוו פון „יעקאָפּאָ“ און מיט איר דירעקטער מיטהילף.

ס׳זיינען אויך איינגעפלאָסן ספּעציעלע געלטער פון דעם אמעריקאנער רעליעף און פון איינענע שטעטלשע מקורים.

דער בנין איז געווען א פּאסנדער, א קהלשער, האָט מען געקענט טאָן אין אים, וואָס מען האָט געוואָלט. האָט מען אים טאקע רעמאָנטירט ווי עס דארף צו זיין און איינגעטיילט די צימערן לויט א באקוועמער אָרדענונג.

די אינטערנאט-קאָמיסיע, דאָס רוב, ראמצן, האָט געפירט מיט מסירות נפש און פארשטענדניש פאר דער זאך, און מיט גרויס ליבע צו די פארוואָגלטע קינדער.

זוכנדיק צו באפרידיקן די הצטרכותן פון די קינדער, האָט די קאָמיסיע ניט נאָר געזאָרגט פאר דעם חומר, נאָר אויך פאר דער מעגלעכקייט פון פארוואנדלען דעם אינטערנאט-בית-היתומים — אין אן אָפּרו-תינקל, וואו דער יתום זאָל זיך פילן אָנגענעם און אונטער א הארציקער השגחה.

צוליב דעם ציל זיינען אָנגעשטרענגט געוואָרן אלע כוחות, כדי צונויפזאמלען א גענוגנדע סומע געלט אויף אויסצובויען א צווייטן גאָרן אויפן בנין פון אינטערנאט.

מיט פיל ענערגיע איז די סומע געשאפן געוואָרן; א טייל האָט געגעבן דער רעליעף, א טייל „יעקאָפּאָ“ און א טייל די שטאָט; און עס איז פולשטענדיק פארווירקלעכט געוואָרן דער וואונטש פון די אכתצ פריינד פון אָרטיקן קינדער-אינטערנאט.

אין אלעכען פארנעמט דער אינטערנאט 10 צימערן, צווישן זיי 4 גרויסע: אן עס-צימער, 2 שלאָף-צימערן און א פארטיילונגס-צימער. דער בנין האלט בס״ה 24×9×8 ארשין.

דער „שאפונגס-גייסט“ האָט נאָך די אינטערנאט-פארוואלטונג אלץ ניט אָפּגעלאָזן. זיי ענדיקן בויען א פליגל צום בנין די גרויס פון 9×8 ארשין. דאָרטן ווילן זיי איינריכטן א וועשעריי-צימער און די קיך. די מיטלען האָט לכתחילה געגעבן דער אמעריקאנער רעליעף און דער בנין ווערט פארענדיקט מיט דער הילף פון „יעקאָפּאָ“.

אויך דאָ איז דורכגעפירט געוואָרן די זעלבע סיסטעמאטישקייט, וואָס אין די איבעריקע אינטערנאטן: השגחה איבער די קליינזארג, שול-בילדונג פאר די מיטעלערע און פאך-בילדונג פאר די עלטערע.

עס איז איינגעלאדן געוואָרן א דערציערין, וועלכע פלעגט פארברענגען מיט די קינדער אין פארשיידענע שפּילערייען, שמועסן, שפּאצירונגען און לייענען.

די דערציערין פלעגט, פארשטייט זיך, השגחה געבן ניט נאָר אויף די קליינע קינדער, נאָר פלעגט אויך פארברענגען מיט די קינדער נאָך דער שול, פלעגט מאכן מיט זיי די לעקציעס א. א. וו.

אין הינזיכט פון קולטורעלער אנטוויקלונג איז אָשמענע געשטאנען אויף דער געהעריקער הייך. די קינדער זיינען געווען איינגעאָרדנט אין דער אָרטיקער יידישער פאָלקס-שול. די פאך-קינדער האָבן באזוכט אן אָוונט-שול. חוץ דעם עקסיסטירט ביים אינטערנאט א קינדער-ביבליאָטעק מיט אייניקע הונדערט ביכער.

בנוגע פאך-בילדונג איז דער אינטערנאט אין אָשמענע געשטאנען אין א באוואוסטער הינזיכט בעסער, ווי אלע איבעריקע אינטערנאטן, מחמת אין אָשמענע האָט עקסיסטירט אייניקע יאָר א גוט-איינגעאָרדנטע פאך-שול (צום ערשטן ביי „יעקאָפּאָ“ און, נאָכדעם געשטיצט דורך „אָרט“) און די קינדער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער פאך-שול און געקראָגן א מוסטערהאפטע פאך-בילדונג (שניידעריי, שטעפּעריי, שוסטעריי).

די קינדער האָבן באקומען פון „יעקאָפּאָ“ די נויטיקע באקליידונג און באשוכונג.

פאר די גאנצע צייט, וואָס דער אינטערנאט עקסיסטירט, האָבן זיך אין אים אויסגעהאלטן 69 קינדער. פאך-בילדונג האָבן געקראָגן פאר דער צייט 46 קינדער (שוסטעריי — 12, שניידעריי — 17, שטעפּעריי — 1, מאָלער — 1, בלעכער — 3 און סטאָלער — 2).

די גרעסטע צאָל קינדער, וועלכע האָבן פארלאָזן דעם אינטערנאט זיינען איינגעאָרדנט ביי זייער פאך. א טייל האָבן עמיגרירט קיין אמעריקע, אנדערע, ווידער, קיין רוסלאנד.

אין יאָר 1926 האָבן זיך געפונען אין אינטערנאט 27 יתומים: 11 מיידלעך און 16 יינגלעך. פון זיי 11 רונדע יתומים און 16 אָן א פאָטער. מלאכה לערנען זיך 9 יתומים: 2 שניידער, 5 שניידערינס, 1 בלעכער, 1 קירזשנערין.

דער אינטערנאט פארמאָגט א גרויסן קהלשן-פּלאץ פון 50×90 ארשין, וועלכער גיט בערך 80 פוד גרינס און קארטאָפל א יאָר.

ערב דער אדאפּטאציע.

ווי עס איז צו זען פון דער ביז איצט געשילדערטער טעטיקייט אויפן יתומים-געביט איז די ארבעט בכלל געווען מער-ווייניק אָן אָרגאניזירטע און אויסגערעכנטע, הגם די געלט-מיטלען זיינען געווען צופעליקע.

צופעליק זיינען זיי געווען דערפאר, ווייל ביז יאָר 1922 האָט דער ד. ד. ק בכלל ניט געפירט קיין ארבעט אויפן געביט פון יתומים-פארזאָרגונג. דער ד. ד ק. האָט טאקע געפירט א הילפס-טעטיקייט. אָבער, צוליב פארשיידענע סיבות איז די דאָזיקע טעטיקייט ניט געווען סיסטעמאטיזירט און ניט געווען פונאנדערגעטיילט לויט געוויסע ספּעציעלע ארבעטס-פּלענער.

דאָרטן, אָבער, וואו דער ד. ד. ק. האָט אָנגעטראָפן אויף א פעסטע יידישע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע, האָט ער במילא איבערגעגעבן די ארבעט אין רשות פון דער אָרגאניזאציע און האָט געהאט נאָר דעם אויבערשטן קאָנטראָל.

אין דער גליקלעכער לאגע איז געווען „יעקאָפּאָ“, וועלכע האָט געהאט דעם פולשטענדיקן צוטרוי פון ד. ד. ק., פונקציאָנירנדיק נאָך פון פריער און זייענדיק געבויט אויף פעסטע געזעלשאפטלעכע יסודות. די ארבעט איז אויף דעם אופן דורך „יעקאָפּאָ“ געפירט געוואָרן לויט דער אייגענער איניציאטיוו און אין דער גאנצער ברייט. מיט דעם קען זיך, פארשטייט זיך, ערקלערן די יתומים-ארבעט, וועלכע „יעקאָפּאָ“ האָט געפירט, א צייט פריער, איידער אזא מין טעטיקייט איז פּראקטיצירט געוואָרן אין דער גאנצער פּוילישער רעפּובליק.

עס דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן װערן, אַז „יעקאָפּאָ“ האָט זיך ניט נאָר באַגרענעצט מיט דער יתומים־אַרבעט אויף איר געביט, נאָר האָט אויך געװירקט, אַז אַזאַ אַרבעט װי יתומים־פֿאַרזאָרגונג זאָל בכלל געשטעלט װערן אויפֿן טאָג־אָרדענונג פֿון דער װײַטערדיקער אַרבעט פֿון ד. ד. ק.

נאָך אין הערבסט 1921 האָט „יעקאָפּאָ“ איבערגעגעבן אין ד. ד. ק. אַן אויספֿירלעכן מעמאָראַנדום און אַ פּראָיעקט װי די יתומים־פֿאַרזאָרגונג זאָל אַװעקגעשטעלט װערן. אַלס הויפּט־יסודות זײַנען אָנגעװיזן געװאָרן פֿאָלגנדע:

1. אינטערנאַטן. די בעסטע סיסטעם פֿון פֿאַרזאָרגן יתומים, פֿאַרשטייט זיך, אויב זיי װערן געפֿירט אין אַ גוטן סדר און לויט דעם אַרבעטס־פּרינציפּ.

2. אינדיװידועלע פֿאַרזאָרגונג. דאָ איז אַנטװיקלט געװאָרן אַ גענויער פּלאַן, װי אַזוי די קינדער, װעלכע קענען ניט אײַנגעאָרדנט װערן אין אינטערנאַטן, זאָלן אינדיװידועל באַזאָרגט װערן. דערבײַ דאַרפֿן אויסגעטיילט װערן די רונדע יתומים, װעלכע האָבן אויף זיך קיין שום השגחה ניט. זיי דאַרפֿן אָפּגעגעבן װערן אין פּריװאַטע הײַזער, דער עיקר, אין האַנטװערקער־פֿאַמיליעס, װאו דער קינד זאָל פֿון ערשטן טאָג אָן האָבן אַרום זיך אַ געזונטע און ערלעכע אַרבעטס־אַטמאָספֿער. נאָכדעם װערט אָנגעװיזן, אַז די קינדער דאַרפֿן אײַנגעטיילט װערן אין 3 קאַטעגאָריעס, לויטן עלטער: ביז 6 יאָר, ביז 10 יאָר און ביז 12 יאָר. דערבײַ דאַרף מען בײַ דער אינדיװידועלער פֿאַרזאָרגונג דער עיקר האָבן אין זינען די לעצטע קאַטעגאָריע. די ייִנגערע יתומים דאַרף מען בעסער אָפּגעבן אין אינטערנאַטן. װאָס אָנבאַלאַנגט דער אויסהאַלטונג פֿון יתום דאַרף זי זײַן גאַראַנטירט אויף אייניקע יאָר, כּדי דער יתום זאָל ניט זײַן קיין אָביעקט פֿון צופֿעליקער פֿאַרזאָרגונג. נאָר זאָל קענען ערצויגן װערן זיכער און צילבאַװאוסט אַלס נוצלעכער מענטש. װײַטער װערט פּראָיעקטירט, אַז פֿאַר די יתומים אין עלטער פֿון 12 ביז 15 יאָר און עלטער, זאָלן געגרינדעט װערן האַנטװערקער־װאַרשטאַטן, װעלכע זאָלן אַרויסלאָזן די יתומים אַלס יונגע מענטשן צוגעפּאַסטע צום װײַטערדיקן זעלבסשטענדיקן לעבן.

צום סוף אַ 3־טע מעגלעכקייט: דאָס איז די אַדאָפּטירונג אויף מעבר לים. די דאָזיקע סיסטעם, װערט געזאָגט אין מעמאָראַנדום, איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו דער יתומים־פֿאַרזאָרגונג בנוגע אוקראַינע און װײַסרוסלאַנד, װאו די כװאַליעס פֿון פּאָגראָמען האָבן [illegible] דאָס לייד און חרוב געמאַכט דעם גאַנצן ייִדישן לעבן. בײַ רויִקערע און נאָרמאַלערע לעבנס־באַדינגונגען אָדער אין אַנדערע לענדער דאַרף די אַדאָפּטאַציע פֿון מעבר לים פֿאַרשטאַרקט װערן אין דעם זין, אַז די באַטרעפֿנדע יתומים זאָלן אויף די ערטער גופֿא אַדאָפּטירט װערן דורך אַמעריקאַנער ייִדן אויף אַ פּריװאַטן אופֿן און די לעצטע זאָלן זאָרגן פֿאַר די יתומים, יעדער אַדאָפּטאַנט פֿאַר זײַן יתום, ביז ער, דער יתום, װעט ניט װערן זעלבסשטענדיק.

די אַלע פֿאָרשלאָגן זײַנען אַרויסגעזאָגט געװאָרן אויפֿן סמך פֿון דער פּראַקטיק, װאָס דער קאָמיטעט פֿון „יעקאָפּאָ“ האָט געהאַט אין דער צײַט פֿון זײַן טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון יתומים־פֿאַרזאָרגונג און װאָס עס האָט באַװיזן, אַז בײַ אַ פֿעסטער דורכגעטראַכטער סיסטעם איז דורכאויס מעגלעך צו פֿאַרװירקלעכן די דורכפֿירונג פֿון דער יתומים־פּראָבלעם אויף די אָנגעװיזענע יסודות.

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן דער תמצית פֿון מעמאָראַנדום, װאָס איז בשעתו דערלאַנגט געװאָרן דעם ד. ד. ק., װעלכער האָט דאַן אָנגעהויבן איבערצוגיין פֿון תמיכה צו אַ סיסטעמאַטישער הילפֿס־אַרבעט פֿון אַ דויערנדן כאַראַקטער.

נאָך דער ליקװידאַציע פֿון דער דזשוינט־תמיכה (יולי 1921) זײַנען געגרינדעט געװאָרן דרײַ נײַע דעפּאַרטאַמענטן פֿון ד. ד. ק.: קאָנסטרוקטיװער, מעדיצינישער און היימלאָזער. אמת, פֿון די װײַטערדיקע מאַטעריאַלן דערװײַזן מיר זיך, אַז חוץ די 3 דעפּאַרטאַמענטן איז געװען פּראָיעקטירט צו אַרבעטן אויך אין הינזיכט פֿון קינדער־פֿאַרזאָרגונג. ס'האָט זיך שוין געװעסט אָנגעהויבן עפּעס װאָס צו טאָן און ס'איז אַפֿילו געװען צונאַנדערגעשיקט פֿון דזשוינט אַ צירקוליאַר װעגן צונויפֿרופֿן אַ באַראַטונג װעגן די ענינים,— אָבער די זאַך איז פּלוצלונג איבערגעריסן געװאָרן און ערשט שפּעטער איז זי װידער באַנײַט געװאָרן.

די נויט פֿון די יתומים זײַנען געװען גרויס און דער דזשוינט, װעלכער האָט געהאַט דעם עיקר־ציל צו ראַטעװען פֿון אונטערגאַנג די ייִדישע באַפֿעלקערונג, האָט אויך דאַמאָל ערפֿילט זײַן אויפֿגאַבע און אַזוי זעען מיר שוין סוף יאָר 1921 די אָרגאַניזירונג פֿון דעם דעפּאַרטאַמענט פֿון ד. ד. ק. פֿאַר יתומים־פֿאַרזאָרגונג, װעלכער האָט אינגיכן גענומען אַנטװיקלען אַ גרויסע אַרבעט.

די אַדאָפּטאַציע.

סוף יאָר 1921 איז קאָנסטרויִרט געװאָרן אַ פֿערטער דעפּאַרטאַמענט בײַם ד. ד. ק., דהײַנו דער דעפּאַרטאַמענט פֿאַר יתומים־פֿאַרזאָרגונג, װעלכער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער אַרבעט אין ברייטן מאַסשטאַב.

קודם כּל איז אין יאַנואַר 1922 צונויפֿגערופֿן געװאָרן פֿון ד. ד. ק. אַ באַראַטונג, אויף װעלכער עס איז געלייגט געלייגט געװאָרן דער גרונט־שטיין פֿון דער אַרבעט און עס זײַנען אָנגעמערקט געװאָרן די ליניעס פֿון דער טעטיקייט.

ס'איז באַשלאָסן געװאָרן צו באַזאָרגן נאָר מלחמה־יתומים, ד. ה. די קינדער, װעמעס עלטערן עס זײַנען אומגעקומען דירעקט אין דער מלחמה אָדער אומדירעקט צוליב דער מלחמה. די באַזאָרגונג פֿון זיי האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אויף צוויי אופֿנים: דורך אָרגאַניזירן יתומים־הײַזער און אויף אַ פּריװאַטן אופֿן.

די שטיצע האָט זיך געזאָלט אויסדריקן אין דערנערונג, באַשוכונג און באַקליידונג; דירה; בילדונג אין פֿאָלקסשולן און פֿאַך־אויסבילדונג. מיט איין װאָרט—העלפֿן דעם קינד פֿון זײַנע פֿריכטע יאָרן ביז אים מאַכן פֿאַר אַ מענטשן.

דער ציל פֿון דער אַדאָפּטאַציע איז געװען קלאָר: שאַפֿן פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכער שוץ און השגחה איבער די טויזנטער געפּלאָגטע יתומים, װעמענס גורל עס איז געװען אויף הפקר.

צוליב דעם ציל האָט געדאַרפֿט געגרינדעט װערן איבער גאַנץ פּוילן אַ נעץ פֿון יתומים־קאָמיסיעס און קאָמיטעטן, װעלכע האָבן געזאָלט האַלטן אין זייערע הענט דעם גאַנצן אַפּאַראַט פֿון דער פֿאַרזאָרגונג.

די יתומים־אַרבעט איז ניט קיין אויפֿטו—פֿון און פֿאַר יחידים. זי האָט געמוזט טראָגן אַ פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער און ממילא האָבן זיך אין איר געמוזט באַטייליקן אַלע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געװאָרן, אַז אין די יתומים־קאָמיסיעס זאָלן זיך באַטייליקן טוער פֿון אַלע ריכטונגען אויפֿן פּערסאָנאַלן פּרינציפּ.

דער געגנט־קאָמיטעט פֿון „יעקאָפּאָ“ האָט בהסכּם מיט די אויבנדערמאָנטע באַשלוסן געשאַפֿן אַ יתומים־אָפּטיילונג, װעלכע האָט פֿאַרװאַלטעט מיט דער גאַנצער אַרבעט אין װילנער און נאָװאָגרודקער געגנט און האָט דורכגעפֿירט אין לעבן די אַלע אָנגעמערקטע פּראָבלעמען.

ספּעציעל אויף באַקאַנען זיך מיט די מאַטעריאַלן װעגן די אײנצלנע יתומים און אָננעמען צום אַדאָפּטירן די באַטרעפֿנדע מלחמה־יתומים האָט „יעקאָפּאָ“ אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע פֿון הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, אהרן לאַנגבאַרד און

אליהו רודניצקי, מיט דער באַטייליקונג פון מ. שאַליט, מ. יעווזעראָוו און די באַפולמעכטיקטע.

די קאָמיסיע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַשליסן וועגן יעדער איינציקער אַדאָפּטאַציע.

די ערשטע אַרבעט פון דער יתומים־אָפּטיילונג איז געווען דורכצופירן אַ גענויע אויספאָרשונג אין דער פּראָווינץ און פעסטצושטעלן די צאָל יתומים אין גאַנצן געגנט.

אויפן סמך פון דער אויספאָרשונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ווילנער און נאָוואָגרודקער ראַיאָנען, און וועלכע האָט אַרומגענומען מער־ווייניק אַלע שטעטלעך פון אונזער געביט, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די אַלגעמיינע צאָל פון מלחמה־יתומים ביז 14 יאָר דערגרייכט 2108: פון זיי 1094 יינגלעך און 1014 מיידלעך. רונדע יתומים זיינען צווישן זיי געווען 388, אָן אַ פאָטער — 1698 און אָן אַ מוטער 22. לויטן עלטער זיינען זיי געווען פאַרטיילט אַזוי: ביז 6 יאָר 320 קינדער, פון 7 ביז 12 – 1605, און פון 13 ביז 14 יאָר — 183.

דאָ דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די אויספאָרשונג האָט אַרומגענומען נאָר די געגנטן פון ווילנע און נאָוואָגרודאָק – דאַגעגן איז די שטאָט ווילנע ניט אַריין אין חשבון.

צווייטנס, האָט די יתומים־אָפּטיילונג דורכגעפירט די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אויף די ערטער, אין דער ערשטער ריי — די בילדונג פון די אָרטיקע יתומים־קאָמיסיעס, לויט די זעלבע פּרינציפּן, ווי די צענטראַלע אָפּטיילונג.

און, דריטנס, די גאָר וויכטיקסטע אַרבעט פון דער יתומים־אָפּטיילונג איז געווען צוצוטרעטן צו דער ממשותדיקער זייט פון דער אַקציע, דהיינו: דורכפירן די פאַקטישע אַדאָפּטאַציע פון די קינדער און אַרויסגעבן זיי שטיצע.

צוליב דעם האָט די יתומים־אָפּטיילונג איבערגעגעבן אין רשות פון דער יתומים־קאָמיסיע דעם גאַנצן פאַקטישן מאַטעריאַל, וועלכער האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר דער צייט. די יתומים־קאָמיסיע האָט געהאַט 2–3 מאָל אין וואָך זיצונגען, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון דער גרויסער צאָל פאַררעגיסטרירטע די מער נויטבאַדערפטיקע און געליטענע מלחמה־יתומים.

ליידער, האָט די יתומים־אַדאָפּטאַציע ניט געקאָנט אַרומנעמען, צו יענער צייט, אַלע מלחמה־יתומים. דער ד. ד. ק. האָט באַשטימט אין רשות פון געגנט קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ 350 יתומים אויף דער ערשטער צייט. עס האָט זיך, אָבער, איינגעגעבן צו פאַרגרעסערן די צאָל, אַזוי, אַז ביז אויגוסט 1922, ד. ה. פאַרן משך פון 6 חדשים צייט בערך, זיינען אַדאָפּטירט געוואָרן און אונטערשטיצט 481 יתומים, פון זיי אין די פּראָווינציעלע אינטערנאַטן (נאָוואָגרודאָק, לידע, איוויע, אָשמענע) 89 יתומים און 392 יתומים פּריוואַט.

חוץ דער אויבנדערמאָנטער צאָל יתומים, וועלכע זיינען ווערבירט געוואָרן אין פּראָווינץ און אַדאָפּטירט געוואָרן דירעקט דורך דער יתומים־אָפּטיילונג, איז געווען נאָך אַ קאַטעגאָריע יתומים, די אַזוי גערופענע היימלאָזע און רעעמיגראַנטן־יתומים. די נפקא־מינה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זיינען לכתחילה ניט גענומען געוואָרן אין חשבון. זיי פלעגן אָנקומען טאָג־טעגלעך מיט די עשאַלאָנען פון רוסלאַנד און מען האָט ניט געקאָנט בנוגע זיי פאָראויסזאָגן ניט דעם ביודזשעט און ניט דעם פּלאַן פון אַרבעט. זיי זיינען דעריבער די ערשטע צייט, אַלס אויסנאַם, אַדאָפּטירט געוואָרן דורך דער היימלאָזע־אָפּטיילונג, — און אין אַ משך פון 3 חדשים צייט זיינען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער אויסהאַלטונג פון דער יתומים־קאָמיסיע, ד. ה. אויף אַ שטענדיקע אַדאָפּטאַציע צוגלייך מיט די איבעריקע יתומים. אַזוינע יתומים זיינען געווען 69.

די אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ גיכן טעמפּ. אויספאָרשן און באַזאָרגן קרוב צו 500 יתומים אין אַ משך פון 6 – 7 חדשים איז געווען אַ גרויסע זאַך.

חוץ דער פאָרמעלער פאַרזאָרגונג האָט זיך געפאָדערט אַ קאָנטראָלירנדער אָרגאַן, וואָס זאָל אויף אָן אָרט פעסטשטעלן אויף וויפיל די אַדאָפּטאַציע ווערט געהעריק דורכגעפירט אין לעבן און ווי זי ווירקט אויף דעם מצב פון די יתומים. צוליב דעם ציל זיינען אָפט אונטערגענומען געוואָרן רייזעס און באַזוכן פון די באַפולמעכטיקטע פון ד. ד. ק. און פון „יעקאָפּאָ״, ווי י. ווערניק, פרוי סטופעלפהן, א. קליאָנסקי, מ. אימיאַניטאָוו און י. וואָלק. פון צייט צו צייט האָבן אויך מיטגעהאָלפן די ה״ה י. איזראַעליט פון נאָוואָגרודאָק און ש. כּאָגין פון גלובאָקע. אויף אַזאַ אופן איז פעסטגעשטעלט און קאָנטראָלירט געוואָרן די אמתע לאַגע אויף די ערטער און פון די איינצלנע יתומים.

אַלס גענויע און קלאָרע אילוסטראַציע וועגן מצב פון די יתומים אין יענער צייט קענען דינען פאָלגנדיקע אויסצוגן פון באַריכטן, וואָס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן דעם קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ״ פון די באַפולמעכטיקטע נאָך זייער אַ גענויער אויספאָרשונג פון דער לאַגע פון יעדן יתום באַזונדער.

1. מאָלאָדעטשנע. וו. ש. 8 יאָר. אַ גאַנצע יתומה. דער פאָטער איז אומגעקומען אויף מלחמה, די מוטער געשטאָרבן פון טיפוס. אַ קאַליקע אויף דער לינקער האַנט. האַלט זיך אויף ביי פרעמדע פערזאָנען, וואָס זייער באַשעפטיקונג איז אין מאָראַלישן פּרט אונטער אַ פראַגעצייכן. די יתומה קומט אָפּ מיט טרוקן ברויט. גייט איבער די הייזער. באַזוכט ניט קיין שול.

2. האָראָדאָק. גאַנצע יתומים. זאַלבעזיבעט. די עלטסטע אַ מיידל פון 17 יאָר און אַ יינגל פון 14 יאָר. די איינציקע „שפּייזערין״ איז די 17־יאָריקע מיידל. גייט אין דאָרף. פאַרדינט קיים אויף ברויט. ליידן כּמעט הונגער. איין מאָל אין וואָך — שבת — עסט מען אַ שטיקל לונג און לעבער און דאָס אויך ניט צו זאַט.

די יתומים גייען נאַקעט און באָרוועס. אין שטוב איז נאַס (רינט פון דאַך) און קאַלט, דער אויוון איז צובראָכן. בעטגעוואַנט איז בצמצום. 4 קינדער שלאָפן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

צוויי פון זיי ליידן אויף פּאַוואַוס. נאָר 1 קינד באַזוכט אַ חדר.

3. דעווענישעק. מ. און מ. ש. 10 און 13 יאָר אַלט. דער פאָטער איז געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס. די מוטער איז בלינד. מיט דער בעל־הביתישקייט פאַרנעמט זיך די 13־יאָריקע מ. דער יינגל איז אַן אַלפאַבעט. די שטוב איז אַן איינגעפאַלענע און עס אוממעגלעך אין איר צו וואוינען.

די מיידעלע בעטלט אויס האָלץ אויף צו דערוואַרימען די איינגעפאַלענע „כאַטקע״. ליידן נויט און דחקות.

4. ראַדין. י. און א. פ. 9 און 12 יאָר אַלט. דער פאָטער איז געשטאָרבן אויף צוואַנגס־אַרבעט. די מוטער איז אַ כראָנישע קראַנקע. קען גאָר ניט טאָן. דער יינגערער יינגל איז קראַנק אויף טובערקולאָז, דער עלטערער – אַ דעפעקטיווער קינד.

האָבן ניט פון וואַנען אַ טאָג איבערצולעבן. די איינציקע שפּייז – ברויט און טיי מיט סאַכאַרין.

וואוינען אין אַ שטיבל ד׳ על ד׳. אַ נידעריקע, אַ פינסטערע, מיט קליינע פענסטערלעך. אַבסאָלוט ניטאָ קיין בעטגעוואַנט. גייען נאַקעט און באָרוועס.

5. מיאָר. ה. און צ. ק. דער יינגל איז אַלט 11 יאָר און די מיידל –13. די מוטער איז טויט, געשטאָרבן פון הונגער. דער פאָטער איז בלינד. וואוינען מיט

אַן אַלטער באָבן אין עזרת־נשים פון בית־המדרש. די משפחה איז פון דער מלחמה פולשטענדיק רואינירט געוואָרן. אַלע זיינען געשוואָלן פון הונגער. די קינדער קראַנק, דער יינגל לערנט זיך ביי אַ מלמד. צוליב זיין קראַנקן געזונטצושטאַנד איז די פעולה זייער אַ קליינע.

6. מיאָר. ח. י. ס. אַ גאַנצער יתום, 6 יאָר אַלט, וואוינט ביי אַן אָרעמען פעטער. עסט וואו עס מאַכט זיך. דער גאַנצער קאָפּ איז באַדעקט מיט פאַוואוס. דאָס קינד איז ניט געוואַשן און אומנאַטירלעך שמוציק. ער איז סקראָפולעאָז און דער גאַנצער קערפער איז באַדעקט מיט געשווירן.

אָנגעטאָן האַלב־נאַקעט. האָט ניט קיין גאַנצע און ריינע העמד אויפן לייב.

7. דיסנע. ס. און י. ב. דער יתום איז אַלט 11 יאָר, די יתומה — 7. די מוטער שלעפט זיך אַרום איבער די דערבייאיקע דערפער און „האַנדלט" כלומרשט. די באָבע וואַשט פאַדלאָגעס. די „פרנסה" קלעקט ניט אויף טרוקן ברויט. וואוינען אין אַ קליין קעמערל פון אַ האַלב־איינגעפאַלענער שטיבל. דאָס מיידעלע האָט אויגן־ און גאַז־קראַנקהייטן. דער יינגל לערנט זיך אין חדר. ניט האָבנדיק אויף זיך קיין השגחה, לויפט ער אַרום איבער די גאַסן. זייער פאַרטעמפּט געוואָרן. דער עלנט פון דער משפחה איז שרעקלעך גרויס.

8. לעבעדעווע. ע. פ. ס. ר. ש. 3 גאַנצע יתומים. 3, 9 און 12 יאָר אַלט. די עלטערן זיינען געשטאָרבן פון טיפוס און הונגער. די יתומים וואוינען צוזאַמען מיט אַן עלטערן ברודער אין אַ קהלשער שטוב, וואו חוץ זיי געפינען זיך נאָך 2 משפחות, איינע פון 4 פערזאָן און די צווייטע — 3 דערוואַקסענע. וואוינען אין אוממעגלעכע באַדינגונגען. די קינדער זיינען אויסגעדאַרטע, אויסגעהונגערטע, טעמפּ, דער אויסזען איז אַן אויסגעשפּראָכן דעגענעראַטיווער.

אַט דאָס איז דער בילד, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן פון די באַפולמעכטיקטע. עס איז אויסגעקומען פיל איבערצובויען און אין אַנדערע ערטער אָנצוהייבן אַלץ פון אָנהויב.

און היות, ווי די גאַנצע אַרבעט האָט דאָך געטראָגן דעם שטעמפּל פון אַ התחלה, איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו פונאַנדערוויקלען די יתומים־טעטיקייט אין איר גאַנצער ברייט. די צייט האָט אויך נורם געווען, אַז מען זאָל זיך באַגרעניצן מיט שפּייזן און באַקליידונג, ווי אויך מיט אַלגעמיינער בילדונג.

מלאכה האָבן זיך צו יענער צייט געלערנט נאָר 37 קינדער.

עס האָט געמוזט קומען אַ קאַרדינאַלע ענדערונג אין דער אַרבעט און וואָס גיכער.

די אָנגעווייטאָגטע פראַגע האָט געלייזט די בקרוב צוזאַמענגערופענע קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" מיט דער באַטייליקונג פון פאָרשטייער פון דער גאַנצער געגנט וועגן די מלחמה־יתומים און זייער פאַרזאָרגונג, וועלכע האָט זיך צונויפגעקליבן דער 26 סעפּטעמבער 1922 אין ווילנע.

די יתומים־קאָנפערענץ.

די יתומים־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין ווילנע דעם 26־טן סעפּטעמבער 1922 ביי דער באַטייליקונג פון 42 דעלעגאַטן פון ווילנער געגנט, עקזעקוטיווע־מיטגלידער פון „יעקאָפּאָ" און פאָרשטייער פון ד. ד. ק. און אַנדערע געזעלשאַפטן.

שוין פון די באַריכטן פון די ערטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יתומים־אַרבעט האָט פאַראינטערעסירט די געזעלשאַפטלעכע טוער אויף דער פּראָווינץ, וועלכע גיבן זיך איר אַקטיוו אָפּ. עס האָט זיך אָבער געפילט אַ נויטיקייט אין פאַרפולקומונג: באַזאָרגן מערער קינדער און ווי אַמבעסטן דערפירן זיי צו אַ תכלית.

די תשובה האָבן געגעבן די פאָרטרעגער, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ קלאָרן בילד פון דער קינפטיקער יתומים־אַרבעט.

אויף דער כמות פון דער ביז איצטיקער יתומים־אַדאָפּטאַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט דער ערשטער רעפערענט מ. שאַליט. אויפן סמך פון פאַרשיידענע באַאַרבעטע טאַבעלן און ציפער האָט ער פאָרגעשטעלט אַ בילד פון דער צאָל שטעט, קינדער, אַרט פאַריתומטקייט, געשלעכט, אינטערנאַטן, פּריוואַטע אַדאָפּטאַציע וכדומה און פעסטגעשטעלט, אַז אין געגנט (ווילנער און נאָוואָגרודקער) געפינען זיך בערך 4000 יתומים, פון זיי ביי 2000 מלחמה־יתומים. נעמענדיק אין אַכט, אַז די שטעטלעך, ווי רואינירט זיי זאָלן ניט זיין, דאַרפן מיטהעלפן און אָנשטרענגען זיך צו ערפילן זייער אייגענע פליכט לגבי די יתומים, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז 1000, ד. ה. 50% פון זיי, דאַרפן באַזאָרגט ווערן דורך דעם ד. ד. ק. און די איבעריקע 1000—דורך די שטעטלעך גופא. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, האָט נאָך דער ד. ד. ק. צו אַדאָפּטירן 500 יתומים.

דער ווייטערדיקער רעפערענט כ. יעווזעראָוו האָט גערעדט וועגן אופן פון דער אַדאָפּטאַציע. אַנאַליזירנדיק די ביז איצטיקע רעזולטאַטן פון דער פּריוואַטער אַדאָפּטאַציע און אַדאָפּטירונג פון די יתומים אין אַנשטאַלטן, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דער אַנדערער וועג איז וויכטיקער און ראַציאָנעלער פון ערשטן. אויף דעם סמך האָט ער פאָרגעשלאָגן צו אָרגאַניזירן נייע אינטערנאַטן אין צוויי פונקטן פון געגנט.

דער ווייט־גרעסטער טייל יתומים מוז, אָבער, בלייבן אַדאָפּטירט פּריוואַט, ווייל די מערהייט פונקטן זיינען קליינע, די געלט־מיטלען באַגרעניצטע און די באַפעלקערונג אויסגעשעפּט און פאַראָרימט.

אַ וויכטיקן אָרט האָט פאַרנומען די פראַגע וועגן מעדיצינישע הילף פאַר די יתומים און פיזישער דערציאונג. די פראַגן זיינען געווען געווידמעט צוויי רעפעראַטן פון די דאָקטוירים י. ראַפּעס און ל. חייט.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לאַגע פון די קינדער, וועלכע זיינען גרעסטנטייל אין אַ שווערן פיזישן צושטאַנד, שוואַך און בלוט־אָרים, בלייך און מאַגער, פיזיש און גייסטיק דערשלאָגן. די מעדיצינישע אויפזיכט דאַרף דאָ אַמשטאַרקסטן זאָגן איר וואָרט.

אין די אינטערנאַטן מוז פאַרן דאָקטאָר צוגלייך מיטן פּעדאַגאָג באַוואָרנט ווערן די השפעה אויף דעם גאַנצן לעבן פון די קינדער, ניט ריידנדיק שוין וועגן באַקעמפן די אָנשטעקנדיקע און היילן געוויינלעכע און שאַרפע כראָנישע קראַנקייטן, באַזייטיקן פעלערן און שוואַכקייטן.

אַ שווערע אויפגאַבע איז מיט די קינדער פּריוואַט־אַדאָפּטירטע סיי ביי פרעמדע סיי ביי די קרובים. מען דאַרף זיך דאָ אָפּגעבן ניט נאָר מיטן יתום, נאָר אויך האָבן אַן אויג אויף די דערוואַקסענע, צווישן וועלכע דער יתום געפינט זיך. דאָס איז שוין פיל שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער. דער דאָקטאָר דאַרף צוליב דעם מאַכן אָפטע באַזוכונגען אין די הייזער, כדי צו דער צייט צו פאַרכאַפּן די קראַנקייט.

אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל דאַרף שפּילן דער דאָקטאָר אין פאַרהיטן דאָס געזונט פון גייסט פון די יתומים, ד. ה. אין זאָרגן וועגן זייער נאָרמאַלער גייסטיקער אַנטוויקלונג. עס דאַרף געלייגט ווערן אַכט אויף די אָפּגעשטאַנענע, אַזוי גערופענע דעפעקטיווע קינדער. עס ליגט אַ ספּעציעלער חוב אויף דער געזעלשאַפט צו העלפן די אומנאָרמאַלע יתומים, וואָס די שפּורן פון זייער אומנאָרמאַלקייט דאַרף מען זוכן דירעקט אין די מלחמה־געשעענישן.

צום סוף וואַרפט ער אַן אַ ריי פאָרשלאָגן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דורכצופירן אין לעבן די אויבנדערמאָנטע נויט־

יוגנדיקייטן, ווי שאַפן אַ דאָקטוירים־אינספעקטאָריאַט צו אינסטרואירן און קאָנטראָלירן די אַרבעט אויפן געביט פון געזונט־פאַרהיטונג און גרינדן אַן עקספערימענטאַל פסיכאָלאָגישן קאַבינעט צום אויספאָרשן אין גייסטיקן זין די יתומים און אָפּקלייבן פון זיי די אָפּגעשטאַנענע און דעפעקטיווע, פאַר וועלכע עס דאַרף ווערן געשאַפן אין ווילנע אַ ספעציעלע שול.

דער צווייטער רעפערענט האָט זיך אָפּגעשטעלט דער עיקר אויף דער פיזישער אַנטוויקלונג פון די קינדער, וועלכע זאָל שטאַרקן זייער קערפערלעך און האָט פאַרגעלייגט פאַרשיידענע מיטלען אויף דורכצופירן אין לעבן די אָנגעמערקטע צילן.

ווייטער איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע וועגן מלאכה. דער רעפערענט ה׳ י. יאַשונסקי האָט אָנגעמערקט אַ גענויעם פראָיעקט, ווי אַזוי די פאַך־בילדונג פאַר די קינדער דאַרף געפירט ווערן, כדי זי זאָל דערגרייכן איר צוועק. בדרך כלל וואָלט מען געקענט אָננעמען, אַז אַלע קינדער דאַרפן איינגעאָרדנט ווערן אין פאַך־שולן. דאָס וואָלט גרינטלעך געלייזט די פראַגע הן בנוגע דער קענטעניש אין פאַך והן פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפונקט.

אויף אויסצוהאַלטן פאַך־שולן זיינען אָבער נויטיק גרויסע מיטלען און עפענען קען מען זיי נאָר אין גרעסערע שטעט. נעמענדיק אין אַכט, אַז די צאָל יתומים איז אַ גרויסע און דאָס רוב זיינען זיי צעוואָרפן אין קליינע שטעטלעך און אין יעדער שטעטל איז ניטאָ קיין מערערע צאָל קינדער אין פאַך־בילדונג־עלטער, — איז דער רעפערענט געקומען צום באַשלוס, אַז צוועקמעסיקער איז שאַפן פאַר די יתומים צוגרייטונגס־שולן און פאַטראָנאַטן, און לערן־וואַרשטאַטן ביי די אינטערנאַטן.

די צוגרייטונגס־שול גיט די התחלה פון דער אַרבעט און באַקאַנט די קינדער אין משך פון 1 יאָר צייט מיט די ריכטיקע אופנים פון דער אַרבעט. נאָכדעם וועלן זיי פאַרענדיקן זייערע אויסבילדונג אין פריוואַטע וואַרשטאַטן. אַזוינע צוגרייטונגס־שולן דאַרפן זיך קאָנצענטרירן אין די גרעסערע פונקטן פון פראָווינץ. אַזאַ שול שלינגט ניט איין קיין סך געלט און זי איז צוטריטלעך פאַר אַ גרעסערע צאָל שטעט.

די פאַטראָנאַטן דאַרפן געגרינדעט ווערן דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן לערן־יינגלעך ביי פריוואַטע בעלי־מלאכות. די פאַטראָנאַטן גיבן דער עיקר השגחה אויף די קינדער, אַז זיי זאָלן ניט אויסגענוצט ווערן אויף אַנדערע צוועקן און אָרדנען אויך איין פאַר זיי אָוונט־קורסן.

דער רעפעראַט האָט אַרויסגערופן לעבעדיקע וויכוחים. די וויכטיקייט פון דער פאַך־בילדונג איז שוין אין יענער צייט, ביים אָנהויב פון דער גרעסערער יתומים־אַרבעט, געווען אויף אַזוי פיל אָנערקענט, אַז פון איר איז געווען אָפּהענגיק דער ערפאָלג אָדער אומערפאָלג פון דער יתומים־פאַרזאָרגונג. מיט דעם האָט עס אַ זין, אָן דעם איז עס צייטוויליק, אומפראָדוקטיוו און אָן אַ ווייטערן צוועק. די קאָנפערענץ האָט קלאָרער פאָרמולירט די אויפגאַבן און די אַרבעט האָט זיך שטאַרק אַ רוק געטאָן פאָראויס.

דער ווייטערדיקער רעפערענט א. קליאַנסקי האָט אין זיין רעפעראַט וועגן די מלחמה־אלמנות אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אין דער יתומים־אַרבעט דאַרף אָפטמאָל זיין דער אָביעקט פון אַדאָפּסירונג ניט דער יתום נאָר די אלמנה. אויפן סמך פון ביישפילן קומט ער צום אויספיר, אַז ס׳זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַן איינמאָליקע גרעסערע סומע דער אלמנה, וואָס זאָל איר געבן די מעגלעכקייט פאַרדינען פאַר זיך און דערנערן דערמיט אירע יתומים.

צום סוף האָט מ. שאַליט געלייענט אַ רעפעראַט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער יתומים־פאַרזאָרגונג און ביודזשעט־פראַגן.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז די יתומים־אַרבעט דאַרף אַריינציען אַלץ מער די אָרטיקע באַפעלקערונג, לייגט ער פאָר, אַז אין יעדער שטאָט אָדער שטעטל זאָל זיך די יתומים־קאָמיסיע פאַרנעמען ניט נאָר מיט די אַדאָפּטירטע יתומים, נאָר אויך מיט אַלע יתומים. די אָרטיקע געזעלשאַפט מוז זיך באַטייליקן אין דער פאַרזאָרגונג פון די יתומים אָרגאַניזאַציאָנעל און מאַטעריעל.

וואָס איז שייך דעם ביודזשעט איז פאָרגעלייגט געוואָרן דורך אים אַן ענדערונג אין דער ביז־איצטיקער פראַקטיק פון ד. ד. ק., דהיינו: דער ד. ד. ק. זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער פער־קאָפּ־פאַרזאָרגונג און זאָל אַריבערגיין צו דער סיסטעם פון ביודזשעטן. דאָס וואָלט געגעבן די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס מער איניציאַטיוו אין דער אַרבעט. אַלנפאַלס, דאַרף די געזעלשאַפט זיין פאַרזיכערט דורכן ד. ד. ק., אַז די יתומים־אַרבעט איז אויסגערעכנט אויף אַ פעסט־באַשטימטער צייט, כדי עס זאָל זיין מעגלעך אויפצוטאָן עפעס ממשותדיקס.

די קאָנפערענץ האָט אַלע פראַגן זייער גרינטלעך באַהאַנדלט. די געגנוואַרט פון פאָרשטייער פון ד. ד. ק. ת׳ שאָהאַן, פאַרוואַלטער פון דעם יתומים־דעפאַרטאַמענט פון ד. ד. ק. אין פוילן, האָט אויך מיטגעהאָלפן צו דער פרוכטבאַרקייט פון דער קאָנפערענץ. דער גאַנצער מאַטעריאַל איז גענוי באַאַרבעט און אַנאַליזירט געוואָרן. אין גרעסטן מאָס זיינען אַלע פאָרשלאָגן און אויפטוען דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן, ווי עס איז צו זען פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

נאָך דער קאָנפערענץ.

בישלעכווייז האָבן זיך גענומען מערקן די רעזולטאַטן פון דער יתומים־קאָנפערענץ. די יתומים־אַרבעט האָט זיך אַלץ מער אַנטוויקלט און עס זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן די פלענער און אָנגעמערקטע פראָיעקטן.

דעם 19 אָקטאָבער און 28 נאָוועמבער 1922 זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צירקולאַרן דורך דער צענטראַלער יתומים־אָפּטיילונג ביים געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ וועגן ענינים פון איבעררעגיסטראַציע און אָרגאַניזאַציאָנעלער איבערבויאונג פון דער ביז־איצטיקער אַרבעט.

דעם 20 דעצעמבער 1922 איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער יתומים־אָפּטיילונג וועגן דער ווייטערדיקער אַדאָפּטאַציע. ס׳איז פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל אַדאָפּטירטע יתומים מיט נאָך 200, ס״ה מיט די פריערדיקע 485 און 69 היימלאָזע־יתומים האָט די צאָל דערגרייכט 754. ס׳זיינען אָנגעמערקט געוואָרן די פונקטן, וואו ס׳דאַרפן געשיקט ווערן די ניי־אַדאָפּטירטע 200 יתומים.

ווייטער איז אויף דער זיצונג באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן אָנטייל פון דער געזעלשאַפט אין דער שטיצע פאַר יתומים און ס׳זיינען דערביי אָנגענומען געוואָרן קאָנקרעטע מיטלען.

די רעזאָלוציע וועגן דער פראַגע זאָגט: „אין דער ערשטער ריי (די אַדאָפּטאַציע) ווערן גענומען אין באַטראַכט די פונקטן, וואו ביי גלייכע באַדינגונגען פון נויטבאַדערפטיקייט, קומט די אָרטיקע באַפעלקערונג אַליין צו הילף דער יתומים־אַקציע, אַריינטראָגנדיק איר טייל לטובת די אַדאָפּטירטע יתומים. די יתומים־קאָמיסיע דאַרף האָבן איר אויפזיכט ניט נאָר איבער די אַדאָפּטירטע מלחמה־יתומים, נאָר איבער אַלע נויטבאַדערפטיקע יתומים פון געגעבענעם פונקט״.

נאָך בולטער איז די נייע אויסגאַבע קאָנקרעטיזירט געוואָרן אין צירקולאַר־בריוו פון 27 דעצעמבער 1922 צו אַלע הילפס־קאָמיטעטן און קהילות, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז „אַדאָפּטירן כלהכה־יתומים קענען מיר נאָר אין די פונקטן, וואו די אָרטיקע באַפעלקערונג קומט

אַליין צו הילף דער יתומים-אַקציע. אויב איר וועט אויף זיך ניט נעמען די פולע ערפילונג פון די פאָרשלאָגן, בתוכם די אויסהאַלטונג אויפן אייגענעם חשבון פון אַ מינימאַלער צאָל יתומים, וועלן מיר, ליידער, זיין געצוואונגען ניט אַדאָפּטירן ביי אייך די מלחמה-יתומים, אַריבער-טראָגנדיק די אַקציע אין די נויטבאַדערפטיקע פונקטן, וואו די אָרטיקע באַפעלקערונג וועט אַרויסווייזן אַן אייגענע איניציאַטיוו און אינטערעס צו דער יתומים-אַקציע הן מאַטעריעל והן גייסטיק“.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז די האַרבקייט פון די פאָדערונגען אָנגעווענדעט געוואָרן בנוגע די מאַטעריעל שטאַרקערע פונקטן, דאַגעגן זיינען די פונקטן עקאָנאָמיש-שוואַכערע, באַפרייט געוואָרן פון דער אַזוי-גערופענער „צוואַנג“-אַדאַפּטאַציע. אין מאָראַלישן זין האָט עס, אָבער, שטאַרק געווירקט, אַז ביי פונקטן זאָלן דורכפירן די אַקציע, לויט די פאָדערונגען פון דער יתומים-אָפּטיילונג און מיט דער נויטיקער געזעלשאַפטלעכער פאַרשטענדניש.

צום סוף פון דער זיצונג פון דער יתומים-אָפּטיילונג זיינען אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ ריי באַשלוסן וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אייגענע מיטלען און צוציאונג פון דער געזעלשאַפט צו דער אַרבעט, ווי אויך וועגן אַ ספּעציעלער געלט-זאַמלונג לטובת די יתומים.

די צענטראַלע יתומים-קאָמיסיע אָדער יתומים-אָפּטיילונג איז געוואָרן אַ שטענדיקער אָרגאַן ביי דער עקזעקוטיווע פון „יעקאָפּאַ“ און אין אים זיינען אַריין פאָלגנדע פּערזאָנען: הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, מ. שאַליט, א. לאַנגבאָרט, א. רודניצקי, מ. יעווזעראָוו, א. קליאָנסקי און מ. איזראַניסאָוו. די לעצטע צוויי אַלס באַפולמעכטיקטע פאַר דער פּראָווינץ.

די אַרבעט איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן און האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט. ס׳לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף יעדן געביט באַזונדער.

א.

פאַך-בילדונג.

ניט וועגן דער נוצלעכקייט פון דעם וויכטיקן, אויב ניט וויכטיקסטן, צווייג פון דער יתומים-אַרבעט ווילן מיר דאָ ריידן, נאָר וועגן דעם אויפטו גופא און זיינע רעזולטאַטן.

די פאַך-לימודים זיינען אין אַלגעמיין גענומען אין דער טעטיקייט פון „יעקאָפּאַ“ קיין נייס ניט געווען. צו דער צייט פון דער יתומים-קאָנפערענץ זיינען שוין געווען איינגעאָרדנט ביי פאַרשיידענע פאַכן 37 קינדער. אויך אין דעם צענטראַלן אינטערנאַט און אין די אינטערנאַטן פון „יעקאָפּאַ“ אין דער פּראָווינץ האָבן זיך אַ טייל קינדער געלערנט מלאכה.

קינדער, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן דורך „יעקאָפּאַ“ פון פּראָווינץ קיין ווילנע, אויסצובילדן זיי ביי אַ פאַך אין טראַנספּאָרט-שולן און פּריוואַטע מייסטערס.

(אינמיטן — פיר מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און יתומים-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאַ“).

די דאָזיקע אַרבעט, אָבער, האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון צופעליקייטן. מער עקספּערימענט ווי סיסטעם. און אַז מען זאָל צוגעבן די גרויסע צאָל אַדאָפּטירטע קינדער, וועט זיין בולט, אַז די צאָל פאַך-קינדער איז געווען אַ קליינע. עס האָט זיך אַלזאָ געשטעלט די אויפגאַבע וועגן אַ קאָנצענטרירונג פון דער אויפמערקזאַמקייט אויף די פאַך-לימודים, אָנהויבן די אַרבעט אויפן ברייטן מאַסשטאַב און אַריינציען אין איר אַלע קינדער, פיזיש-געזונטע, אין עלטער פון 13—14 יאָר.

דעם 5-טן מערץ 1923 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער נאָהעריקער צירקולאַר וועגן פאַך-בילדונג, וואו עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דער יתומים-קאָמיסיע צונויפצושטעלן די רשימות פון די יתומים, וועלכע זיינען פּאַסיק צו פאַך-בילדונג.

מיט 2 וועגן איז אויסגעקומען צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן ציל: איינאָרדענען די קינדער אין לערן-וואַרשטאַטן און ביי פּריוואַטע בעלי-מלאכות. דאָס נעוואונטשנסטע איז געווען איינאָרדענען די קינדער אין די לערן-וואַרשטאַטן און פאַך-שולן. עס איז אָבער ניט געווען אַזאַ מעגלעכקייט, הן צוליב

דער קנאַפּער צאָל פאַך־שולן והן צוליב די גרויסע געלט־קאָסטן. מען האָט דעריבער געמוזט אַ גרויסן טייל קינדער איינאָרדענען פּריוואַט אין זייערע שטעטלעך אָדער אין ווילנע. *) אָבער, דערביי, איז געשטעלט געוואָרן דער אומבאַדינגטער תנאי, אַז די יתומים־קאָמיסיעס אויף די ערטער זאָלן שליסן פעסטע קאָנטראַקטן מיט די האַנטווערקער, און זאָלן האַלטן אונטער זייער השגחה אי די קינדער, אי די בעלי־מלאכות, אַז די לעצטע זאָלן זיי געוויסנהאַפט לערנען דעם פאַך און ניט באַנוצן אויף אַנדערע אַרבעטן.

I. פאַך־שולן.

אין משך פון דער אַרבעט האָט „יעקאָפּאָ״ איינגעאָרדנט די יתומים אין פאַרשיידענע צייטן אין פאָלגנדע פאַך־שולן אין ווילנע און פּראָווינץ:

1. „הילף דורך אַרבעט״ — ווילנע. די פּראָפעסיעס זיינען געווען פאָלגנדע: סטאָליעריי, מענער־ און דאַמען־שניידעריי, האַפטעריי, וועשנייטעריי און מאָלעריי.

2. וואַרשטאַט פון „אָרט״ — ווילנע. פּראָפעסיעס: סטאָליעריי און שלאָסעריי.

3. וואַרשטאַט פון „יעקאָפּאָ״ — ווילנע. פּראָפעסיע: שוסטעריי. וועגן דעם דאָזיקן וואַרשטאַט, וועלכער איז געווען ביים אינטערנאַט אויף אַנטאָקאָל, האָבן מיר שוין ברייטער געשריבן אויבן.

4. וואַרשטאַטן פון „יעקאָפּאָ״, שפּעטער „אָרט״ — אָשמענע. פּראָפעסיעס: דאַמען־ און מענער־שניידעריי, שטעפּעריי און שוסטעריי.

5. וואַרשטאַט פון „יעקאָפּאָ״ און „אָרט״ — סמאָרגאָן. פּראָפעסיע: סטאָליעריי.

6. וואַרשטאַטן פון „אָרט״ — גלובאָקע. פּראָפעסיעס: דאַמען־ און מענער־שניידעריי, שטעפּעריי און שוסטעריי.

7. וואַרשטאַט פון „אָרט״ — לידע. פּראָפעסיע: סטאָליעריי.

II. פּריוואַט.

צו פּריוואַטע בעלי־מלאכות האָט „יעקאָפּאָ״ אָפּגעגעבן די איבעריקע יתומים, וועלכע עס איז געווען ניט מעגלעך איינצואָרדענען אין פאַך־שולן צוליב מאַנגל אין אָרט אָדער צוליב אַנדערע סיבות.

דערביי דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז „יעקאָפּאָ״ האָט אויך דאָ זיך באַמיט איינצואָרדענען די קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן דערלערנען זייער פאַך מיט מאַקסימום נוצן און גרינטלעכקייט.

פאַר קיינעם איז קיין סוד ניט, אַז אין די קליינע שטעטלעך ווערט אַלץ ווינציקער און ווינציקער דער בעל־מלאכה דער ספּעציאַליסט. זיין אָרט פאַרנעמט אַלץ מער דער איינפאַכער בעל־מלאכה, וואָס קען ניט געבן די געהעריקע אויסבילדונג זיינע לערן־יינגלעך. רעכענענדיק זיך מיט דער לאַגע, האָט „יעקאָפּאָ״ אָנגעווענדט אַלע מיטלען איינצואָרדענען, חוץ אין די פאַך־שולן, אויך אַ געוויסע צאָל קינדער ביי פּריוואַטע בעלי־מלאכות אין ווילנע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות, לגבי די קאָסטן, וואָס מען וואָלט געהאַט, ווען מען וואָלט די קינדער איבערגעלאָזן אין זייערע שטעטלעך ביי די אָרטיקע בעלי־מלאכות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ניט צו אַלע קינדער האָט געקענט אָנגעווענדט ווערן דער זעלבער מאָדוס, אָבער די מאַקסימאַלע מעגלעכקייטן זיינען דורך „יעקאָפּאָ״ אויסגענוצט געוואָרן. אַ היפּשע צאָל קינדער זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון די קליינע שטעטלעך און איינגעאָרדנט געוואָרן אין ווילנע ביי די אָרטיקע בעסערע פּריוואַטע בעלי־מלאָכות, וואו זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט פאַר קענער אין זייער פאַך.

פיל קינדער האָבן שוין זוכה געווען דורכצומאַכן דעם פולן קורס פון די לימודים און זיינען דערוואַקסענע בעלי־מלאָכות. ענדיקנדיק זייער פאַך־בילדונג האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אַלס אַרבעטער אין פּריוואַטע וואַרשטאַטן אָדער זעלבסטשטענדיק און זיינען געוואָרן אימשטאַנד צו דערנערן זיך און אויך אָפּשפּאָרן אויף אַ מלבוש. זיי זיינען שוין אויף דעם אופן אַרויס פון אונטער דער געזעלשאַפטלעכער שוץ און געוואָרן לייטן גלייך.

אַ גרויסער טייל קינדער לערנען נאָך אין יאָר 1926 פאַכן, הן אין די וואַרשטאַט־שולן והן ביי פּריוואַטע בעלי־מלאָכות. בכלל געפינט זיך די פאַך־איינאָרדנונג פון די יתומים אין אַ דינאַמישן צושטאַנד. די יתומים־אַרבעט איז פאָרלויפיק אין פולן ברען. עס ווערן צוגענומען און אַדאָפּטירט נייע יתומים. די אַלטע וואַקסן אונטער, ווערן פוליעריק און נויטיקן זיך אין פאַך־בילדונג; זיי אַלע ווערן איינגעאָרדנט, לויט די כללים, וועלכע זיינען אויבן געשילדערט געוואָרן.

חוץ די פאַך־לימודים לערנען די יתומים אַלגעמיינע לימודים. אַלע לערן־יינגלעך אָן אויסנאַם, הן אין ווילנע והן אין פּראָווינץ, באַזוכן אָוונט־שולן, און דאָרט וואו אַזוינע זיינען ניטאָ, לערנען זיי זיך ביי פּריוואַטע לערער. אויף די אַלגעמיינע לימודים ווערט דורך „יעקאָפּאָ״ אַסיגנירט ספּעציעלע סומען.

ווי געזאָגט, ווערן געשלאָסן קאָנטראַקטן מיט די בעלי־מלאכות וועגן די לערן־יינגלעך. די בעלי־מלאכות באַקומען אַ געוויסע סומע געלט פאַר די לימודים, דאַגעגן ווערט אין די לער־וואַרשטאַטן געצאָלט אַ מאָנאַטלעכער אָפּצאָל.

אַ טייל קינדער, ביים ענדיקן דעם פאַך, ווען זיי ווערן זעלבסטשטענדיקע בעלי־מלאכות (ניט אַרבעטנדיק ביי אַ צווייטן), באַקומען אין „יעקאָפּאָ״ די נויטיקע מכשירים (ניי־מאַשינעס, שלאָסער־ און סטאָליער־געצייג).

די קינדער, וועלכע האָבן באַקומען זייער אויסבילדונג אין ווילנע, זיינען באַזאָרגט געוואָרן ניט נאָר מיט עסן, קליידונג און שוכונג, נאָר אויך מיט שטוביקע זאַכן (בעט, דעקע, וועש וכדומה) און דירה, באַהייצונג און באַלייכטונג. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די אַלע קינדער האָבן זיך געפונען אונטער דער פולשטענדיקער השגחה פון „יעקאָפּאָ״, וועלכע האָט זייער אָפּט אַכטונג געגעבן אויף זייער פּריוואַט־לעבן און אויפפירונג.

פון צייט צו צייט פלעגן איינגעלאַדן ווערן די בעלי־מלאָכות, מיט וועלכע מען פלעגט זיך דורכריידן וועגן די קינדער, וועגן זייער ערפאָלג און באַנעמען זיך צו דער אַרבעט. עס פלעגט ניט איינמאָל אויסקומען צו ערליידיקן סכסוכים צווישן די בעלי־מלאכות און זייערע לערן־יינגלעך.

וואָס אָנבאַלאַנגט די פאַך־שולן פלעגט מען אָפּט אַרויספאָדערן פון דאָרט די שריפטלעכע מיינונגען פון די פּעדאַגאָגישע ראַטן.

אין די פּריוואַטע געשפּרעכן מיט די לערער און פּאַרוואַלטערס פון די שולן האָבן זיך די לעצטע אָפּגערופן מיט גרויס צופרידנהייט וועגן די פּעולות פון די קינדער־יתומים.

די פאַך־בילדונג האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין דער פּראָווינץ. די הילפס־קאָמיטעטן און יתומים־קאָמיסיעס האָבן מיט דאַנקבאַרקייט אָנערקענט די וויכטיקע דערגרייכונגען און האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אָפּגעשאַצט די באַפרידיקנדע רעזולטאַטן.

די אַרבעט האָט אַריבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

ב.

שול־בילדונג און דערציאונג.

אויך אויף דעם געביט איז דערגרייכט געוואָרן אַ גאַנצקייט. די שטרעבונג צו דער פאַרפולקומונג פון דער אויבנדערמאָנטער פּראָבלעם האָט צו טאָן די־

---

*) מיר ווילן באַמערקן, אַז וואו נאָר עס וועט זיך ריידן וועגן די קינדער איינגעאָרדנטע אין ווילנע, מיינט מען עס די פּראָווינציעלע קינדער וועלכע זיינען איבערגעפירט געוואָרן פון דאָרט קיין ווילנע.

רעקט מיט די רעזולטאַטן פון דער יתומים-קאָנפערענץ. אין אַלע צייטן פון דער יתומים-אַרבעט, זינט איר אָנשטייאונג, איז שוין דורך „יעקאָפּאָ“ אָנגעפירט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ קאַמף מיט דער עם-הארצות,— די ביטערע נאָכווייעניש און שמערצלעכע רעזולטאַטן פון דער מלחמה און מהומות.

בשעת אין שטוב איז קיין ברויט ניט געווען,— איז בלי-ספק די דערציאונג פון די קינדער געווען נאָך מער, ווי אַ לוקסוס-זאַך. אין דער הינזיכט איז די שול-בילדונג געווען אויפן ערשטן פּייער. איבער דאָס האָט זיך געמערקט ביי אַלע קינדער — קינדער פון טאַטע-מאַמע, אַ פּשיטא שוין ביי קינדער פאַרוואָגלטע און פאַרלאָזענע, אָן טאַטע-מאַמע, אָן קרוב און גואל.

ציט זיך טאַקע דורך, ווי אַ רויטער פאָדים, אין דער טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ“ דאָס שטענדיקע פאַרקניפּן און פאַרבינדן די דערנערונגס-פראַגע מיטן דערציאונגס-פּראָבלעם.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ניט אַלע מאָל און ניט אין אַלע צייטן איז געשטאַנען די אַרבעט אויף איין-און-דערזעלבער מדרגה. עס איז פאַראַן צו פאַרצייכענען אַ סך אָפּווענדונגען און אָפּנייגונגען, בהסכּם מיט די באַדינגונגען און איבערלעבענישן פון דער צייט. צום עיקר-ציל האָט מען דערגרייכט מיט אַ בהדרגהדיקן אויסגערעכנטן פּלאַן, אַזוי אַז די צייטן פון נאָך דער קאָנפערענץ קענען כאַראַקטעריזירט ווערן מיט דער דערגרייכטער, — אויפן דערציאונגס- און בילדונגס-געביט, — שלמות.

די **פאָר-שול-בילדונג** האָט געפונען איר אויסדרוק נאָר אין די אינטערנאַטן. שוין ניט ריידנדיק וועגן צענטראַלן אינטערנאַט פון „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע, וואו די פאָר-שול-בילדונג איז געווען אַמבעסטן אַוועקגעשטעלט, איז אויך אין די איבעריקע אינטערנאַטן פון דער פּראָווינץ געווען געווידמעט דער אַרבעט גרויס אויפמערקזאַמקייט. די קינדער האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון געניטע פּעדאַגאָגינס, וועלכע האָבן מיט די קינדער פאַרבראַכט אייניקע שעה אין טאָג, דורכמאַכנדיק אַ קורס פון אַלערליי שפּילערייען, האַנט-אַרבעט, פּלעכטעריי, דערציילונגען און פיזישע איבונגען.

די **שול-בילדונג** האָט געפונען איר פאַרענטפערונג אין די פאַרשיידענע טיפּן פאָלקס-שולן, וועלכע עקזיסטירן אין דער פּראָווינץ. אין דער הינזיכט איז געווען אַ ברייטע פעלד פאַר אַרבעט. עס איז דערביי צו באַוואונדערן דעם אייגנאַרטיקן האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון אַלע שאַטירונגען. עס איז פולשטענדיק אויסגעמיטן געוואָרן דער שפּראַכן-קאַמף. יעדע קהילה און יתומים-קאָמיטעט האָט געהאַט אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע אין איר אַרבעט און האָט געהאַט רעכט אָפּצוגעבן די קינדער אין וועלכער שול זיי האָבן געפונען פאַר נויטיק. און אַזוי זעען מיר די יתומים צעוואָרפן אין די פאָלקס-שולן פון דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און „תרבות“, ווי אויך אין די רעליגיעז-נאַציאָנאַלע שולן, חדרים און תלמוד-תורות.

ווען מיר וועלן אונטערפירן די אונטערשטע שורה, וועלן זיך באַקומען ציפער, וועלכע שטעלן פעסט, אַז די גרעסטע מערהייט פון די קינדער האָבן באַקומען זייער אויסבילדונג אין די יידישע און העברעאישע וועלטלעכע שולן און נאָר אַ קלענערער טייל האָט באַזוכט די רעליגיעזע. דאָס האָט אָבער צו טאָן מיטן פולשטענדיקן אויסדרוק פון ווילן פון די אָרטיקע יתומים-קאָמיטעטן און בשום אופן ניט מיט אַ וועלכן ניט איז צוואַנג פון דער צענטראַלע. עס איז פאַראַן איין פאַל, ווען אויך די צענטראַלע האָט געזאָגט איר וואָרט: דאָס איז דער פאַל, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, אַז אין אַלע שולן מוז זיין אַ מינימום-לימוד פון יידיש און העברעאיש.

אויב די צענטראַלע האָט זיך ניט געמישט אין די, אַזוי צו זאָגן, אינערלעכע לימודים-פאָרמען פון דער שול האָט זי,

אינטערנאַט אין אָשמענע (אויסערלעכער אויסזען, פון גאַס).
ז. זייטן 229— 13:

אינטערנאַט אין אָשמענע (אויסערלעכער אויסזען, פון הויף, מיטן שפּיל-פּלאַץ און גאָרטן) ז. זייטן 229—231.

אָבער, אויסגעווירקט איר גאַנצע השפּעה אויף דעם, אַז די עם־הארצות זאָל פולשטענדיק, צווישן די קינדער־יתומים, אויסגעוואָרצלט ווערן. דער עצם באַזוכן פון דער שול, איז געווען אַ צוואַנג און אַ מוז־זאַך פאַר אַלע קינדער אין שול־עלטער אָן אויסנאַם.

אין דער הינזיכט איז געגעבן געוואָרן די נייטיקע אינסטרוקציעס, זיינען צושיקט געוואָרן צירקוליאַרן און געגעבן געוואָרן דירעקטיוון די באַפולמעכטיקטע השגחה צו געבן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און פינקטלעכקייט.

די אויסערשול־בילדונג איז נוגע דערהויפּט די יתומים, וועלכע האָבן באַקומען זייער פאַכמענישע אויסבילדונג אין די וואַרשטאַטן פון די פאַך־שולן און האַנטווערקער אין ווילנע און פּראָווינץ.

יתומים־הויז אין לידע.

די קינדער פון סלאָנימער יתומים־הויז ביי פאַרשיידענע אַרבעטן אויפן הויף פון אינטערנאַט.

אין ווילנע האָבן זיי אַלע באַזוכט די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע אָוונט־שולן, דערהויפּט די אָוונט־שול אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, ווי אויך זיך געלערנט פּריוואַט.

אין דער פּראָווינץ האָבן זיי באַזוכט די עקזיסטירנדע אָוונט־קורסן. אין די ערטער, וואו אַזוינע אָוונט־קורסן זיינען ניט געווען, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן ספּעציעלע לערער פאַר די קינדער.

אין נאָוואָגרודאָק האָבן זיך די פאַך־קינדער געפונען אונטער דער השגחה פון דער אַלטער עקסיסטירנדער אָרטיקער געזעלשאַפט „שוקדי מלאכה", וועלכע האָט אויך אָרגאַניזירט פאַר אַלע קינדער אָוונט־קורסן.

אין לידע ווערן די יידישע לימודים (ז. זייט 226) געלערנט מיט די קינדער דורך אַ ספּעציעלן לערער.

די קינדער אין ווילנע זיינען פאַרשריבן אין די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן, וואו זיי באַקומען ביכער אויף צו לייענען אַהיים.

צום סוף דאַרף נאָך פאַרצייכנט ווערן, אַז פון צייט צו צייט, דאָס רוב ביים אָנפאַנג לערן־יאָר, זיינען די תּלמידים באַזאָרגט געוואָרן מיט לערן־ביכער און מכשירים, וועלכע זיינען זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן פולשטענדיק אומזיסט.

ג.

אויסהאַלטונג.

אונטערן באַגריף „אויסהאַלטונג" מיינען מיר די ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט אויפן געביט פון דער אַלטעגלעכער באַזאָרגונג פון די יתומים אין זייערע פאַרשיידענע מינים גשמיותדיקע הצטרכותן: דערנערונג, באַשוכונג און באַקליידונג, דירה און מעדיצינישע הילף.

1. **דערנערונג.** אויך דאָ ליגט דער שווערפּונקט אויף דעם „ווי אַזוי". אונטערפירן אַלע יתומים אונטער איין אָרגאַניזירונגס־מאָס האָט מען ניט געטאָרט. אויב ניט אינדיווידואַליזירן יעדן יתום באַזונדער איז, לכל הפּחות, אויסאַרבעטן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־מאָדוס פאַר באַזונדערע קאַטעגאָריעס און גרופּעס פון די יתומים.

די וועגן זיינען געווען פאַרשיידענע: וועגן די קינדער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פּראָווינץ ביי זייערע מוטערס, איז די זאַך געווען קלאָר — מען האָט די דערנערונגס־סומע איבערגעגעבן אין זייערע הענט — צו די מוטערס, אויף וועמען מען האָט זיך געקאָנט גאַנץ גוט פאַרלאָזן, אַז די קינדער וועלן בלייבן זאַטע.

עס זיינען אָבער געווען אַ טייל קינדער — רונדע יתומים — וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט בשכנות אָדער זיינען געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון אַ ווייטן קרוב — פאַר די קינדער האָט מען געפונען אַן אָנשטענדיקע הויז, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען צו קאָכן מיטאָגן און אָפּטמאָל אויך אָנבייסן און אָוונט־ברויטן. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די קינדער זיינען געווען אונטער דער פולשטענדיקער השגחה פון די יתומים־קאָמיטעטן.

אין אייניקע גרעסערע פּונקטן, וואו אַזוינע קינדער האָבן דערגרייכט אַ באַדייטנדע צאָל, איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ פרוי, מיט וועמען עס איז געשלאָסן געוואָרן כמו אַ קאָנטראַקט, לויט וועלכן זי האָט זיך מתחייב געווען צו שפּייזן די קינדער 3 מאָל אין טאָג.

דאָס איז אַלץ וועגן די קינדער, וועלכע זיינען געווען אין דער פּראָווינץ. די קינדער, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן ביי די פאַך-לימודים אין ווילנע, האָבן זיך געפונען אין דער, לפי ערך, בעסערער לאַגע פון זיין איינגעאָרדנט אין דער באַטרעפנדער גוט-אָוועקגעשטעלטער קיך פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין ווילנע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געשפּייזט מיט פרישע און נאַרהאַפטיקע מיטאָגן אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון קאָמיטעט. דערביי ווערן זיי באַזאָרגט מיט ספּעציעלע סומען אויף אָנבייסן און וועטשערע.

צו דער רובריק דאַרף מען נאָך צוגעבן די פאַרשטאַרקטע דערנערונג מיט מילך, אייער און ווייס-ברויט, וואָס ווערט פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן, לויט אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג פון דאָקטאָר, די שוואַכע און קראַנקע קינדער אין ווילנע און פּראָווינץ.

2. באַשוכונג און באַקליידונג. דערנערונג און באַקליידונג דאָס איז, אייגנטלעך, געווען דער אומסטייל-באַרער געביט פון דער יתומים-אַקציע נאָך פון קדמונים. דאָס זיינען געווען די צוויי יסוד-זיילן, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן די יתומים-פאַרזאָרגונג און דער אויסדרוק פון הייסעסטן רצון פון ד. ד. ק.: לחם לאכל ובגד ללבוש.

אויב די דערנערונג איז געווען אין אַלע צייטן און ביי אַלע אומשטענדן אַ מער-ווייניק נאָרמאַלע, איז עס ניט אַזוי געווען מיט דער פראַגע פון באַקליידונג.

בנוגע דער באַקליידונג ווערט דאָ געמיינט ניט דער כמות, נאָר אַזוי צו זאָגן דער איכות. די צאָל פון די אַרויסגעגעבענע זאַכן (זיי זיינען אַלע געווען צוגעשיקט פאַרטיקע פון צענטער) איז געווען גענוגנד און די זאַכן זיינען בכלל געווען גאַנץ גוטע. נאָר דער אויסערער אויסזען פון די דאָזיקע זאַכן,—די אויבער-קליידער,—האָט אין די ערשטע צייטן געטראָגן אַ ספּעציפישן שטעמפּל פון „קאַזיאָנשטשינע“ (פון אַלע „יונים האָבן איין פנים“) הן לויט זייערע פאַרבן והן לויט דעם אופן פון צושניט. ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ נויטווענדיקייט אין דעם, אַז אַלע זאָלן לויטן הלוך פון די קינדער זיי גלייך דערקענען און קענען אויף זיי טייטלען מיטן פינגער: „אָט גייט אַ יתום“.

די פראַגע איז אויך געלייזט געוואָרן נאָך דער יתומים-קאָנפערענץ. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן און שפּעטער אויסגעווירקט געוואָרן, אַז די זאַכן זאָלן פאַרפאַרביקט ווערן אויף די ערטער. די באַקליידונגס-אַקציע פאַר ווילנער געגנט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון „יעקאָפּאָ“, וועלכע האָט צוגעגרייט די גאַנצע קליידונג דאָ אויף אָן אָרט. חוץ, וואָס די זאַכן זיינען געווען דורכדעם מער פּאַסיקע און בעסערע, האָט עס געבראַכט אויך אַ צווייאיקן נוצן: ערשטנס, באַזאָרגט אַ שפּאָר ביסל בעלי-מלאכות מיט אַרבעט און, צווייטנס, אָפּגעווישט פולשטענדיק די ספּעציפישקייט פון די יתומישע קליידער.

און אַזוי האָבן די קינדער 2 מאָל אין יאָר, זומער און ווינטער, געקראָגן נייע מלבושים: קאָסטיומען און מאַנטלען, שיך, וועש, זאָקן און אַנדערע זאַכן.

די בגדים, אַז זיי פלעגן איינגעריסן ווערן, זיינען פאַרריכט געוואָרן דורך די חברים-יתומים, וועלכע לערנען זיך שניידעריי. די שיך פלעגט פאַרריכטן אַ שוסטער, וועלכער האָט שטענדיק געאַרבעט ביי „יעקאָפּאָ“.

3. דירה. אין 3 אופנים האָט זיך געלאָזט פאַרווירקלעכן די דירה-פראַגע:—מיר מיינען די אָנגעווייטיקסטע פראַגע פון איינאָרדענען אין די דירות די קינדער, וועלכע, צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, נויטיקן זיך אין דעם.

ערשטנס, די פאַך-קינדער אין ווילנע. דאָס איז געווען דער עלעמענט, וועלכער איז דאָס ערשטע מאָל אין אַ גרויסער שטאָט. זיי האָבן דאָ ניט קיין פריינד און ניט קיין באַקאַנטע. אַ דירה איז פאַר זיי אַ לעבנס-פראַגע. מען האָט געדאַרפט געפינען אין יעדן פאַל אַ פּאַסנדן אָרט און צאָלן די געהעריקע דירה-געלט.

עס איז געווען אַ צווייטער עלעמענט, דער עיקר אין פּראָווינץ, וועלכער האָט געמוזט אַריבערגעפירט ווערן פון די אַלטע צעבראָכענע חורבות אין אַנדערע דירות, ווען ניט האָט געדראָט אַ סכנה פאַרן קינדס געזונט. עס זיינען אויך געווען פאַלן, וואָס אַ קינד האָט זיך געפונען ביי קרובים, וועלכע האָבן זיך צו אים שלעכט באַצויגן און אַריבערפירן אים אין אַן אַנדער דירה איז געווען מער, ווי אַ נויטווענדיקייט. צום סוף ווילן מיר נאָך אָנווייזן אויף אַזוינע באַדויערנדע פאַלן, ווען קינדער האָבן זיך געפונען אין הייזער פון קרובים, וועלכע האָבן זיי געקענט דעמאָראַליזירן, ווייל די אייגנטימער האָבן זיך פאַרנומען מיט צווייפלהאַפטע פרנסות און די קינדער האָט מען געמוזט פון דאָרט צונעמען.

אין אַזוינע פאַלן האָט זיך „יעקאָפּאָ“ ניט אָפּגעשטעלט פאַר גרעסערע קאָסטן און איינגעאָרדנט די קינדער אין געדונגענע צימערן און דירות, שטענדיק אונטער דער געהעריקער השגחה.

עס איז געווען אויך אַ דריטער אופן פון הילף דורך דירות. דאָס איז די ספּעציעלע געלט-שטיצע, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט אַרויסגעגעבן איינציקע אלמנות, מוטערס פון די יתומים אויף צו ברענגען אין אָרדענונג זייערע הרוב-געוואָרענע כאַלופּעס, אין וועלכע זיי האָבן געוואוינט. דאָס געלט פלעגט פאַרטאָן ווערן אויף איבערדעקן דעכער, אַנגלאָזן שויבן, פאַרריכטן דעם אויוון און לייגן פּאָדלאָגע. מיט דעם האָט מען געראַטעוועט דעם יתום און פאַר איינוועגס די גאַנצע פאַמיליע פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן.

צו דער דירות-הילף דאַרף בלי-ספק צוגעגעבן ווערן די באַדייטנדע צאָל בעטן (אייזערנע) און בעט-געוואַנט—גאַנצע קאָמפּלעקטן,—ווי ליילעכער, ציכלעך, האַנטטיכער, סעניקעס און קאָלדרעס,—וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די יתומים.

ד.

מעדיצינישע הילף.

דער מעטאָד פון דער אַרבעט איז געווען דורכגעדרונגען מיטן הויפּט-ציל: ניט יוצא צו זיין, אָפּצופּטרן, נאָר ווי מעגלעך ראַדיקאַל אויסהיילן דעם חולה.

צוליב דעם האָט מען ניט נאָר געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף אויף אָן אָרט, נאָר עס זיינען אויסגענוצט געוואָרן אַלע ברייט-פאַרצווייגטע מיטלען, וועלכע זיינען געווען אין רשות פון „יעקאָפּאָ“, כדי צו ראַטעווען דאָס קינד.

די יתומים-קאָמיסיעס אויף די ערטער האָבן באַקומען צירקולאַרישע מעלדונגען, אַז אַלע קינדער, וועלכע זיינען קראַנק, דאַרפן געניסן פון מעדיצינישער הילף.

שוין אָפּגערעדט פון די צענדליקער קראַנקע אויף פּאַוואָס, קרעץ, טראַכאָמע און אַנדערע קראַנקהייטן, וועלכע זיינען פולשטענדיק אויסגעהיילט געוואָרן, ווי אויך פון די, וואָס האָבן באַקומען אויפן חשבון פון „יעקאָפּאָ“ מעדיצינישע הילף אין די אַמבולאַטאָריעס פון „אָזע“ און „משמרת חולים“, האָט זיך אין פּראָצעס פון דער אַרבעט אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדע צאָל קראַנקע קינדער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין קלינישער באַהאַנדלונג און ספּעציעל אין כירורגישער הילף.

אַזוינע קינדער פלעגן פון דער פּראָווינץ אַריבערגעפירט ווערן קיין ווילנע, וואו מען פלעגט זיי איינאָרדנען אויפן חשבון פון „יעקאָפּאָ“ אין די היגע שפּיטאָלן.

אַממייסטן האָט אונז געדינט דער קינדער-שפּיטאָל אין „וואָרינעץ“, וועלכער איז געווען אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר קינדער-חולאים און האָט זיך גע-

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

פונען אונטער דער ליבער און האַרציקער השגחה פון דאָרטיקן מעדיצינישן פּערסאָנאַל מיטן ד״ר הערץ קאָוואַרסקי בראַש. עס איז ווערט טאַקע דאָ צו פאַרציכענען זייער איבערגעבנקייט צו די קינדער און די באַדייטנדע ערפאָלגן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן ביים היילן די קינדער. ס'איז גרויס די צאָל האָפנונגסלאָזע קינדער, וועלכע זיינען פון דאָרט אַרויס קרעפטיק און פול מיט לעבן.

ווייטער האָבן אונז געדינט מיט זייער הילף די קליניק פון „משמרת-חולים“ און דער יידישער שפּיטאָל פאַר אינערלעכע און כירורגישע קראַנקע. „יאַקוב“ — פאַר אַ קליינעם טייל נערוון-קראַנקע און מעלאַנכאָליקער און צום סוף די שטאָטישע באַראַקן פאַר אינפעקציאַנס-חולאים.

אין אַ באַוואוסטער הינזיכט האָבן אויך פיל מיטגעהאָלפן די שטאָטישע און געזעלשאַפטלעכע שפּיטאָלן און באַראַקן אין דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן די שווער-קראַנקע איינגעאָרדנט ביי זיך.

די פּאַוואוס-קראַנקע האָבן זיך געהיילט אין „אָזע“ אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר גערשון.

ה.

זומער-קאָלאָניעס און כאַנאַטאָריעס.

אין דער פּראַקטיק פון „יעקאָפּאָ“ האָט זיך פון לאַנג געפירט אויסצונוצן די זומער-חדשים פאַר די שוואַכע און אויסגעמאַטערטע קינדער אויף צו פאַרשטאַרקן זייער געזונט-צושטאַנד.

די ערשטע יאָרן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן זומער-פּלעצער אין אַ טייל פּונקטן פון אונזער פּראָווינץ פאַר אָרימע און שוואַכע קינדער.

שפּעטער האָט די אַקציע אָנגענומען אַ מער סיסטעמאַטישן און אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער פון זומער-קאָלאָניעס אונטער דער השגחה פון ערציהערס און דאָקטוירים.

דעם 25 יוני 1923 איז צושיקט געוואָרן אַ צירקוליאַר אין אַלע שטעטלעך פון פּראָווינץ, אין וועלכן מען האָט זיי געמאָלדן, אַז „יעקאָפּאָ“ צוזאַמען מיט „אָזע“ עפענען אין דער דאַטשע-שטעטל פּאָדבראָדז אַ זומער-קאָלאָניע פאַר פיזיש-אָפּגעשוואַכטע קינדער-יתומים. בעמענדיק אין אַכט די באַגרענעצטע צאָל ערטער אין דער זומער-קאָלאָניע האָט מען צוגענומען נאָר קינדער, וועלכע האָבן זיך אַמדרינגלעכסטן אין דעם גענויטיקט.

די אַלע קינדער האָבן געדאַרפט צום ערשטן אונטערגעזוכט ווערן פון אַ דאָקטאָר ביי זיי אין שטעטל און מיטברענגען פון אים אַ באַשטעטיקונג וועגן זיינקראַנקהייט.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף יעדער קאָלאָניע באַזונדער:

I. זומער-קאָלאָניע אין פּאָדבראָדז.

זומער 1923.

די קאָלאָניע האָט זיך געפונען 2 קילאָמעטער פון שטעטל און באַן-סטאַנציע (1 שעה מיטן באַן פון ווילנע) און באַשטאַנען פון 6 זומער-וואוינונגען אין אַ סאָסנע-וואַלד אויף אַ הויכן אָרט און טרוקענעם באָדן.

עס האָבן זיך אין איר אויפגעהאַלטן 85 קינדער, פון וועלכע 50 יתומים זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“.

ווי עס איז צו זען פון דער קאַטעגאָריע אָנגענומענע קינדער, האָט די קאָלאָניע געטראָגן אַ געוויסן סאַנאַטאָרישן כאַראַקטער. עס זיינען אויסגענוצט געוואָרן, דעריבער, אין דער פולסטער מאָס די נאַטור, די זונען-שטראַלן, דער וואַלד און דער טייך.

די קינדער זיינען איינגעטיילט געוואָרן, לויט זייער געזונט-צושטאַנד, אין 3 גרופּן: איין גרופּע האָט גענאָסן פון זונען-בעדער, געבאָדן זיך און געמאַכט שוועדישע איבונגען. די 2-טע גרופּע, די מערהייט, האָט זיך געבאָדן נאָר אין וואַרימע טעג, באַקומען זונען-בעדער אין אַ באַגרענעצטער צאָל און געווען שטרענג אינדיווידואַליזירט. די 3-טע גרופּע האָט כמעט אויסשליסלעך גערוט.

גרויס אַכט איז געלייגט געוואָרן אויף דער הייל-פלעגע פון אַלע קינדער.

חוץ דעם איז געלייגט געוואָרן פיל אַכט אויף דער דערציאונג פון די קינדער, וועלכע איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון אַ פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל.

בס״ה איז דער פּערסאָנאַל באַשטאַנען פון פאָלגנדע 7 פּערזאָן: אַ פאַרוואַלטערין, אַ דאָקטאָר, 3 לערער, אַ קעכין און אַ באַדינערין.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די דערנערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען 4 מאָל אין טאָג, איז געווען נאַרהאַפטיק און אין דער נויטיקער מאָס.

דער טאָג פלעגט סונאַנדערגעטיילט ווערן אויף פאָלגנדן אופן: האַלב אַכט זיינען די קינדער אויפגעשטאַנען, איינגעוואַשט און ריין געמאַכט זיך. האַלב 9 האָט מען געגעבן פרישטיק. ביז 10 פרי. פון 10 ביז 12 — זון-בעדער. פון 12 ביז 1 — אָפּרו. פון 1 ביז 2 — מיטאָג. פון 2 ביז 4 — ווידער רו און איינצייטיק פלעגן דורכגעפירט ווערן „ניט באַוועגלעכע שפּילן. 4 אַזייגער פלעגן די קינדער באַקומען מילך. פון 4 ביז האַלב 7 — שפּאַציר-גאַנג און פאַרשיידענע שפּילן. פון האַלב 7 ביז האַלב 8 — אָוונט-ברויט. נאָכדעם וואַשן זיך און האַלב 9 פלעגן זיי גיין שלאָפן.

פון די 85 קינדער זיינען 30 געווען קראַנק אויף סקראָפול, 27 — לונגען-קאַטאַר, 15 — בלוט-אָרים, 5 — האַרץ-קראַנקהייט, 4 — לונגען-טובערקולאָז, 3 — ביינער- און געלענק-טובערקולאָז, 1 — ראַכיט.

די רעזולטאַטן זיינען פאָלגנדע (לויטן פּראָטאָקאָל פון די דאָקטוירים): אַלע קינדער האָבן זיך ערהוילט. דורכשניטלעך איז צוגעקומען אין וואָג יעדן קינד 3.07 קילאָגראַם.

פאַר דער גאַנצער צייט פון עקזיסטענץ פון דער קאָלאָניע האָבן די קינדער ווייניק געקרענקט. קיין צופאַלן פון אָנשטעקנדע קראַנקהייטן זיינען בכלל ניט געווען.

דאָס צוזאַמענלעבן פון די קינדער מיטן פּערסאָנאַל איז געווען אַ מוסטערהאַפטע. די קאָלאָניע איז געוואָרן אַן אמתע היים פאַר די קינדער, וואָס ס'איז געווען צו זען פון זייערע בריוו אַהיים. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי פאַרלאָזט די קאָלאָניע.

II. זומער-קאָלאָניע אין ווילנע אויף אַנטאָקאָל.

זומער 1924.

די 2-טע זומער-קאָלאָניע, וועלכע איז געעפנט געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער אין 1924, האָט זיך געפונען אין ווילנע אויף דער פאָרשטאָט אַנטאָקאָל אין אַ שיינעם ווינקל לעבן אַ געדיכטן וואַלד פון סאָסנע-ביימער.

אויב עס איז צו באַמערקן אין דער ערשטער קאָלאָניע אַ טענדענץ פון שאַפן פון איר אַ כמו סאַנאַטאָריע קען מען מיט רעכט זאָגן, אַז די איצטיקע קאָלאָניע האָט אינגאַנצן ערפילט די אויפגאַבן פון אַ סאַנאַטאָריע מיט איר כאַראַקטער און רעזשים.

די סאַנאַטאָריע-קאָלאָניע, ווי מיר וועלן איר אָנרופן, איז געגרינדעט געוואָרן בשותפות פון „יעקאָפּאָ“ און „אָזע“ און האָט פאַרנומען אַ לאָקאַל אויף אַנטאָקאָל, לעסניאַ 3, פון 3 גאָרן מיט 22 צימערן: 10 שלאָף-צימערן, 1 שפּיל-צימער, 1 עס-צימער, 1 ביבליאָטעק-צימער, און קינדער-קלוב, 1 איזאָליאַטאָר, 1 מעדיצינישער צימער, 2 צימערן פאַר די ערציער און די איבעריקע 5 צימערן זיינען געווען די קיכן, שפּייכלער, שפּייז-צימערן א. א.

די סאַנאַטאָריע-קאָלאָניע האָט אויך פאַרמאָגט אַ פּלאַץ און אַ גאָרטן. דער פּלאַץ האָט געדינט אויף שפּילן און ספּאָרט-איבונגען.

דער גאָרטן האָט געבראַכט אַ דאָפּלטן

נוצן. אַ טייל איז צוּאַקערט און פאַרזייט געוואָרן און אויף דעם אַנדער טייל האָט מען איינגעאָרדנט די זונען- און לופט-וואַנעס.

אויך דער עלעמענט קינדער, וועלכע זיינען צוגענומען געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע-קאָלאָניע, איז געווען דער זעלבער, וואָס אין פאַריקן יאָר, דהיינו: פאַרגרעסערטע דריזן, בלוט-אָרימע, סקראָפילעזע, שוואַכע לונגען און ביינער-טובערקולאָז.

דער רעזשים און טאָג-פאַרלויף איז געווען פאָלגנדער: 6 פרי אויפשטיין, וואַשן דעם קערפּער ביז העלפט, די ציין, און אַליין צוקלייבן די בעטן. 8 פרי — דער ערשטער פרישטיק. נאָכדעם זונען- און לופט-וואַנעס ביז 12. ביז 1 מיטאָג. פון 1 ביז 3 ליגן די קינדער אין די בעטן. פון 3 ביז 4 שפּילן און האַנט-אַרבעט. 4 אזייגער דער דריטער מאָל עסן. נאָכדעם באָדן, שפּאַציר גאַנג, שפּילן. דאָס געדויערט ביז 7 אָוונט. 7 אָוונט איז אָוונט-ברויט און 8 אזייגער גייען די קינדער שלאָפן.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי דער אַלגעמיינער גרויסער צאָל קינדער (143) מיט פאַרשיידענע קראַנקהייטן האָט מען ניט געקענט פאַראַלגעמיינערן דעם טאָג-פאַרלויף פון די קינדער. עס איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געהאַט די שטענדיקע השגחה אויף די קינדער. האָט באַשטימט אינדיווידועל פאַר יעדן קינד אַ באַזונדער רעזשים מיט באַזונדערע מעדיצינישע פאַראָרדענונגען. די פאַראָרדענונגען פלעגן דורכגעפירט ווערן דורך אַ שוועסטער-היגיעניסטין, אַ ספּעציאַליסטין אין איר פאַך.

דעם טאָג פלעגן די קינדער פאַרברענגען אין דער באַגלייטונג און אונטער דער השגחה פון 2 דערציער און אַ פאַרוואַלטערין.

פון די 80 קינדער, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געווען דורך „יעקאָפּאָ“ אין דער סאַנאַטאָריע-קאָלאָניע, האָבן זיך אַלע גוט ערהוילט און צוגענומען אין וואָג.

די רעזולטאַטן זיינען געווען אויך דאָס מאָל גלענצנדע, אַזוי, אַז די אינסטיטוציע איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט און געשלאָגן וואָרצלען פאַר אַ שטענדיקן אַנשטאַלט אויף צו פאַרשטאַרקן אין די זומער-חדשים די צובראָכענע און פאַרחושכטע יתומים.

III. זומער-קאָלאָניע אין ווילנע אין זווערינעץ.

זומער 1925.

לויטן מנהג פון די פאַריקע יאָרן איז אויך דאָס יאָר איינגעאָרדנט געוואָרן די זומער-קאָלאָניע מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם סאַנאַטאָריע-כאַראַקטער.

דאָס מאָל איז די קאָלאָניע ווידער איינגעאָרדנט געוואָרן צוזאַמען מיט „אָזע“ אין איינעם פון די שענסטע ווינקעלעך פון ווילנע, אין דער וואַלדיקער סביבה „זווערינעץ“.

דער לעבנס-שטייגער איז געווען כמעט דער זעלבער ווי אין די פאַריקע זומער-קאָלאָניעס. ס׳זיינען נאָר איינגעפירט געוואָרן זאַלץ-איינרייבונגען. פאַרטאָג, אַז די קינדער זיינען אויסגעשלאָפן, האָט מען זיך געמאַכט זאַלץ-איינרייבונגען. דאָס זאַלץ-וואַסער איז געווען צוגעגרייט נאָך פון נעכטן. די קינדער האָבן געמאַכט די איינרייבונגען מיט ספּעציעלע הענטשקעס. די איינרייבונגען האָבן פאַרשטאַרקט און פאַרהאַרטעוועט די הויט בפרט און די גאַנצע נערוון-סיסטעם בכלל.

דאָס יאָר איז בכלל געווען אַ שווערער. עקאָנאָמיש געבראָכן — האָט עס אויך געווירקט אויף דער זומער-קאָלאָניע.

מען האָט געזוכט פאַרשיידענע פאַרקירצונגען אין לערער-פּערסאָנאַל, מען האָט פאַרקלענערט די צאָל קינדער, מצד „יעקאָפּאָ“ ביז 21. דעם אינעווייניקסטן לעבן האָט עס, אָבער, ניט אָנגערירט. אין די ווענט פון זומער-קאָלאָניע האָט זיך דער קריזיס ניט געפילט. די קינדער האָבן געגעסן און גוט ערהוילט זיך. צוגענומען אין וואָג און געוואָרן קרעפטיק און מונטער.

IV. זומער-קאָלאָניע אין ווילנע אין זווערינעץ.

זומער 1926.

פונקט ווי אין די פאַריקע יאָרן איז מען געגאַנגען אין דעם אַלט-אויסגעטראָטענעם וועג פון די טראַדיציאָנעלע זומער-קאָלאָניעס פאַר אָפּגעשוואַכטע און קרענקלעכע יתומים.

די זומער-קאָלאָניע האָט זיך געפונען אין זעלבן אָרט אין זווערינעץ (ווילנע) אין בנין, וואו עס איז געווען איינגעאָרדנט די קאָלאָניע אין יאָר 1925. אויך אין אָרט לעבן און סדר פון די קינדער זיינען כמעט ווי ניט פאָרגעקומען קיין ענדערונגען.

אין משך פון סעזאָן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן 61 יתומים פון 26 פונקטן פון געגנט.

אַלע קינדער אָן אויסנאַם האָבן זיך גוט פאַרריכט און אומגעקערט זיך אויף זייערע ערטער געזונטע און פרישע.

V. הייל-קאָלאָניע „צעכאָצינעק“.

חוץ די אויבנדערמאָנטע אָפּגעשוואַכטע קינדער זיינען געווען אין דער פּראָווינץ יתומים, וועלכע האָבן געליטן פון ביינער-טובערקולאָז, אויסגעשפּראָכענעם שקראָפול און רעוומאַטיזם.

די קינדער האָבן געדאַרפט דורכמאַכן אַ קור אין אַ ספּעציעלן הייל-אַנשטאַלט.

די נויט אין דעם האָט זיך געפילט שטאַרק אין אַלע געגנטן פון גאַנץ פּוילן און די צענטראַלע פון דער יתומים-פאַרזאָרגונג אין וואַרשע האָט אָרגאַניזירט אַזאַ הייל-אַנשטאַלט אין קור-אָרט צעכאָצינעק.

„יעקאָפּאָ“ האָט געמאַכט אַ מעדיצינישע אויספאָרשונג אין די שטעטלעך פון ווילנער און נאָוואָגרודקער פּראָווינץ און אַלס רעזולטאַט זיינען אין יאָר 1924 איינגעאָרדנט געוואָרן אין צעכאָצינעק 12 קינדער, אין יאָר 1925 — 14 קינדער און אין יאָר 1926 — 22 קינדער.

די רעזולטאַטן זיינען געווען זייער גוטע. די הייל-אַנשטאַלט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן פאַרבעסערן דעם געזונט-צושטאַנד פון די יתומים.

ו.

הילף פאַר מלחמה-אַלמנות.

דער איינהייטלעכער באַשלוס פון דער יתומים קאָנפערענץ וועגן אַרויספירן די אַדאָפּטאַציע אויף אַ נייעם וועג, דורכדעם, וואָס מען וועט אַרויסגעבן אַן איינמאָליקע גרעסערע סומע די מלחמה-אַלמנות — מוטערס פון די אַדאָפּטירטע יתומים אויף איינצואָרדנען זיך, איז אויך רעאַליזירט געוואָרן אין לעבן.

דעם 7 נאָוועמבער 1922 איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ צירקוליאַר אין אַלע יתומים-קאָמיטעטן און קאָמיסיעס, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז די איצטיקע סיסטעם פון שטיצע ברענגט ניט אַלע מאָל צו די געווינטשטע רעזולטאַטן.

אין די פיל פאַלן, וואו די אַלמנות האָבן ניט קיין באַשעפטיקונג, פאַרוואַנדלט זיך די יתומים-פאַרזאָרגונג אין אַ געוויינלעכער תמיכה.

שטרעבנדיק, אַז די יתומים-אַקציע זאָל ברענגען וואָס מער ממשותדיקע רעזולטאַטן — איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַ פּרוּב צו שטיצן דורך קרעדיט די פּראָדוקטיווע עלעמענטן פון די אַלמנות באופן, אַז דורך דער הלואה, וואָס זיי וועלן באַקומען, זאָלן זיי קענען זעלבסטשטענדיק פאַרדינען און דערנערן זיך און זייערע יתומים און דערמיט אַליין אָפּשאַפן די ניט-צוועקמעסיקע און ניט-געזונטע תמיכה, וואָס זיי באַקומען פאַר די יתומים פון חודש צו חודש.

איינצייטיק מיטן צורקוליאַר איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ פראַגע-בויגן צו

די אלמנות, אין וועלכן מען האָט געבעטן זיי אַרויסזאָגן זיך, אַלס די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען, וועגן אויבנדערמאָנטן ענין.

אין רעזולטאַט פון דער אַנקעטע, האָבן 130 אלמנות פון דער אַלגעמיינער צאָל 265, וועמענס קינדער עס זיינען געווען אַדאָפּטירט, — געענטפערט פּאָזיטיוו.

דאָס זיינען געווען אַממערסטן אַרבעטנדיקע פרויען, הענדלערקעס, מאַרק-יידענעס, פּראַצאָווִיטע ווייבער, וועלכע האָבן מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, געפינענדיק אין דעם אַן אויסוועג אָפּצוזאָגן זיך, סוף כל סוף, פון דער תמיכה.

פון 130 אלמנות זיינען באַשטעטיקט געוואָרן 54 מיט 75 יתומים. אויך פאַר די איבעריקע האָט מען געהאַט בדעה צו אַסיגנירן, ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, די נויטיקע סומען געלט.

אין אַלגעמיין איז דער פּלאַן געווען אויסגערעכנט אויף אַזאַ אופן, אַז מיטן אַסיגנירן פאַר דער אלמנה די איינמאָליקע סובסידיע, — אָדער הלואה, ווי מען האָט עס דאָן גערופן, — זאָל מען נאָך פאַרלענגערן די תמיכה אויף 3—4 חדשים, ביז די אלמנה וועט זיך מיט דער געגעבענער סומע איינאָרדענען און פאַרפעסטיקן אין מעמד, אַז זי זאָל שוין האָבן די מעגלעכקייט צו דערנערן אירע יתומים.

די אַקציע האָט זיך אָבער ניט געקענט נאָרמאַל אַנטוויקלען און פאַרברייטערן צוליב דעם, וואָס די נויטיקע אויף דעם געלטער פון ד. ד. ק. זיינען ניט אַסיגנירט געוואָרן צו דער צייט און דערנאָך איז שוין געווען צו שפּעט.

די שווערע לאַגע, וועלכע איז אין אַ געוויסער צייט אַרום אַנטשטאַנען און האָט רואינירט יעדע עקאָנאָמישע פעסטיקייט, האָט אויך צעשטערט אַלע אילוזיעס וועגן אויפריכטן די אַלמנות מיטן וועג פון זעלבסט-הילף.

די גוטע און סימפּאַטישע התחלה איז צוליב אויסערליכע סיבות און מניעות פאַרהאַלטן געוואָרן אין עצם ברען פון דער אַרבעט און ניט געבראַכט די אַזוי פיל דערוואַרטע רעזולטאַטן.

ז.

דער ווייטערדיקער מצב.

כדי צו האָבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער ווייטערדיקער אַרבעט פון געגנס-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אויפן געביט פון יתומים-פאַרזאָרגונג וועט זיין ניט איבעריק אָפּצושטעלן זיך אויף דער נייער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם פון דער יתומים-אַרבעט אין פּוילן בכלל.

אין יאָר 1923, אַז ס'איז באַקאַנט געוואָרן די פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג צו ליקווידירן דעם ד. ד. ק. אין פּוילן, איז אַנטשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי צו באַוואָרענען די אָרגאַניזאַציאָנעלע און יורידישע זייט פון דער יתומים-אַרבעט אין פּוילן, כדי זי זאָל ניט בלייבן אין מיטן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זיינען פאָרגעקומען אַ ריי באַראַטונגען פון געזעלשאַפטליכע טוער אויפן געביט פון יתומים-פאַרזאָרגונג און אַלס רעזולטאַט איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע דער שוין איצט שטאַרק פּאָפּולערער „פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן" *).

די עיקר עובדה פון פאַרבאַנד איז געווען פאַרצווייגן די אַרבעט, ניט צו-שפּליטערן די כחות און געפינען די נויטיקע געלט-מיטלען פאַר דער ווייטערדיקער עקסיסטענץ.

דער פאַרבאַנד האָט, אָבער, דאָן געהאַט נאָך אַן אויפגאַבע, **דהיינו**: דערפירן די אָנגעהייבענע אַרבעט ביז אַ ברעג און דורכפירן אַ פּלאַנמעסיקע ליקווידאַציע פון דער גאַנצער יתומים-טעטיקייט אויף וויפיל זי איז געווען פאַרבונדן מיטן ד. ד. ק.

די מיטלען, וועלכע דער ד. ד. ק. האָט איבערגעגעבן אין רשות פון פאַרבאַנד, זיינען געווען אויסגערעכנט, אַזוי, אַז די גאַנצע טעטיקייט האָט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אין אַפּריל 1925. עס וואָלטן אפשר פאַרבליבן נאָך אַ קליינע צאָל יתומים, וועמען מען וואָלט דאַרפן באַוואָרענען זייער ווייטערדיקן קיום, אָדער געבן די מעגלעכקייט ענדיקן די שול. אין אַלגעמיין, אָבער, האָט זיך, ווי געזאָגט, די אַרבעט געדאַרפט ענדיקן אין אַפּריל 1925.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן פון אַ בהדרגהדיקער רעדוקציע פון דער שטיצע און צאָל סובסידירטע יתומים.

די צאָל יתומים אין ווילנער געגנט, וועלכע זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ", האָט אין יולי 1923 דערגרייכט 795. ווען מען זאָל צוגעבן די 57 קינדער, וועלכע זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן אין סמאָרגאָנער אינטערנאַט אויפן חשבון פון די היימלאָזע-סומען, איז דער צאָל דערגאַנגען ביז 852. בהסכם מיט דער געפּלאַנטער ליקווידאַציע האָט די צאָל בסדר געדאַרפט פאַלן, אַזוי, אַז אין משך פון $1^{1}/_{2}$ יאָר האָט די אַרבעט זיך געדאַרפט פאַרענדיקן. אין דער ריכטונג איז טאַקע געפירט געוואָרן די אַרבעט און די צאָל סובסידירטע יתומים איז מחודש לחודש רעדוצירט געוואָרן.

ח.

קאָמונאַלע הילף און זאַמלונגען.

I. בהסכם מיט דער אַלגעמיינער אַקציע פון „פאַרבאַנד", איז אַנטוויקלט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ" אין די יאָרן 1924—1925 און 1926 אַ באַדייטנדע טעטיקייט אין הינזיכט פון באַקומען ממשותדיקע הילף פון די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען. עס זיינען אויסגעאַרבעט און פובאַנדערגעשיקט געוואָרן צענדליקער צירקולאַרן מיט אָנווייזונגען און געוויסע אינפאָרמאַציעס, ווי אַזוי צו ווענדן זיך מיט די נויטיקע בקשות וועגן סובסידיעס אין די גמינעס, מאַגיסטראַטן און סיימיקעס. עס איז געפירט געוואָרן אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט די אַלע יתומים-קאָמיסיעס, אין וועלכער עס זיינען געגעבן געוואָרן די ברייטסטע אויפקלערונגען אין דער הינזיכט.

דער פאַרבאַנד אין וואַרשע האָט איינגעלאַדן פאַר דער אַרבעט אַ ספּעציעלן פאַרטרעטער דעם יוריסט י. בריאַנסקי, וועלכער האָט אויך באַזוכט ווילנע און אינטערווענירט ביי דער מאַכט.

---

*) דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר קינדער-הילף פון ד. ד. ק. פאַר פּוילן איז געווען א. סאַטאַן. נאָך זיין אַוועקגיין האָט דער ד. ד. ק. איבערגעגעבן די אָנפירונג מיט דער אַרבעט אַ קאָלעגיע פון דריי אָרטיקע טוער, וועלכע זיינען פריער געווען פאַרטרעטער פון ד. ד. ק. אין פאַרשיידענע ראַיאָנען. די דאָזיקע קאָלעגיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון ה״ה א. גומענער, מ. שניאורסאָן און ל. נייסטאַט און האָט געהאַט איר זיץ-אָרט אין וואַרשע, האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט ביז וואַנען דער ניי-געגרינדעטער „פאַרבאַנד פון צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן" האָט זיך ניט עפעס אָרגאַניזירט און איבערגענומען די אַרבעט.

אין פאַרבאַנד זיינען געבליבן אַרבעטן מ. שניאורסאָן אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר און ל. נייסטאַט אַלס מיטגליד פון עקזעקוטיווע, וועלכער איז אָבער גלייכצייטיק פאַרבליבן ביים פאַרבאַנד אַלס פאַרטרעטער פון ד. ד. ק.

א. גומענער איז פון צענטראַל-ביוראָ אַוועק, האָט זיך באַזעצט אין נאָוואָגרודעק אַלס אַדוואָקאַט, האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט דער אַרבעט אַלס איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טוער. ער איז פאַרבליבן געווילטער פּרעזידענט פון דער ביאַליסטאָקער צענטראַלע (פריער איז ער געווען פאַרטרעטער פון ד. ד. ק. אין יענעם ראַיאָן) און איז געוואָרן פּרעזידענט פון נאָוואָגרודקער געזעלשאַפט פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג מיט איר בית-יתומים, ווערנדיק גלייכצייטיק אין יאָר 1929 אַ מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד. ער האָט פיל אויפגעטאָן פאַר דער יתומים-אַרבעט; אין די לעצטע יאָרן דערהויבט אויף אַן אָרט, אין דער פאַרוואַלטוסער פּראַקטיק.

רעד.

וואָס איז שייך דער נאָוואָגרודקער וואָיעוואודסטווע האָט פיל מיטגעהאָלפן דער אַקציע דער אַדוואָקאַט א. גוכענער, וועלכער האָט דאַן שוין געוואוינט אין אין נאָוואָגרודאָק.

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם זיינען דורך פאַרשיידענע סיימיקעס און מאַגיסטראַטן אָפּגעלאָזן געוואָרן סכומים אויף די הצטרכותן פון די יידישע יתומים, דערהויפט אָבער פאַר אַנשטאַלטן (אויף פּריוואַטע אַדאָפּטאַציע זיינען כמעט קיין שום אַסיגנירונגען ניט געגעבן געוואָרן). אמת, מען קען ניט אויפווייזן אויף גרויסע ציפער פון באַקומענע געלטער, פאַרקערט, לגבי די נויטן איז עס געווען אַ טפה בים.

נעמענדיק, אָבער, אין אַכט, אַז אין דער פּראַקטיק פון דער מלוכה און שטאָטישע אַנשטאַלטן איז עס געווען דער ערשטער פּרוב, פאַר אַ טייל גמינעס איז עס בכלל געווען אַ נייס און צוגעבנדיק דערביי, אַז די יידישע עסקנים אין דער פּראָווינץ זיינען אַדאַנק דער דאָזיקער אַרבעט אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פאַרטיידיקונג פון די דרינגענדע נויטן און געזעצטע פאָדערונגען אין די באַטרעפנדע אינסטאַנצן, דאַרף מען רעכענען די רעזולטאַטן פאַר מער ווייניק באַפרידיקנדע *).

II. גרעסערע רעזולטאַטן זיינען אין יענער צייט דערגרייכט געוואָרן אויפן וועג פון זאַמלען אייגענע מיטלען, דורך דער אַפּעלירונג צו דער יידישער באַפעלקערונג וועגן שטיצן די עלנטע יתומים.

אַדאַנק דעם „פאַרבאַנד״ איז ערלויבט געוואָרן אַ זאַמלונג פאַר יתומים אין גאַנץ פוילן און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ יתומים-וואָך אין כשך פון 2-טן ביזן 31-טן יאַנואַר 1925.

דער ציל פון דער זאַמלונג איז געווען פּאָפּולאַריזירן די יתומים-אַקציע, שאַפן מיטגלידער פאַר די באַזונדערע יתומים-געזעלשאַפטן און זאַמלען די געהעריקע מיטלען פאַר דער אַקציע.

„יעקאָפּאָ״ האָט אָרגאַניזירט די זאַמלונגען מיט דעם געהעריקן ערפאָלג. האָט צונויפגעקליבן פּראָפּאָרציאָנעל — לגבי די אַנדערע צענטראַלעס פון פוילן — די גרעסטע סומע ביי די מינימאַלסטע אויסגאַבן.

אַ גאַנצע ריי מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און פּלענום פון „יעקאָפּאָ״ האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער אַקציע. אין צענדליקער פאַרזאַמלונגען און מיטינגען איבערן גאַנצן שטח פון טעטיקייטס-געביט זיינען מיט מעשים און וואָרט פּראָקלאַמירט און פּאָפּולאַריזירט געוואָרן די אויפגאַבן און צילן פון דער יתומים-פאַרזאָרגונג.

דורך די ח״ח שאַליט, יעוזעראַוו, קליאָנסקי, וואַלק, אַנטאָוויל, עליאַסבערג, (קאַרעליטש), מוקאָסיי (באַראַנאָוויטש), קאַפּלאַן (סלאָנים) זיינען אַיינגעאָרדנט געוואָרן פאָרלעזונגען, בלימל-טעג און אַנדערע פאַראַנשטאַלטונגען.

אין רעזולטאַט איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון 10.279 זל. (איבער 2000 דאָלאַר אין יענע צייטן) אין 51 שטעט און שטעטלעך פון ווילנער, נאָוואָגרודקער, סלאָנימער און באַראַנאָוויטשער געגנט. — די שטאָט ווילנע ניט אַריינגערעכנט.

אַ צווייטן מאָל האָט זיך די זאַמלונג איבערגעחזרט אָנהייב 1926.

צוליבן קריזיס-יאָר איז שוין דאָס מאָל דורכגעגאַנגען די זאַמלונג מיט ווייניקער פּרסים.

עס איז צירקולאַריש פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַן אויפרוף צו די קהילות און קאָמיטעטן אין געגנט וועגן די באַפאָרשטייענדיקע זאַמלונג און אַ רוף צו פאַרגרעסערן די הכנסות.

די רעזולטאַטן זיינען אויף דאָס מאָל פאַרהעלטניסמעסיק געווען באַפרידיקנדע (6.657 זלאָטעס).

אין יאָר 1927 האָט די יתומים-וואָך פון „יעקאָפּאָ״ געגעבן ריינע הכנסה 8512 זלאָטעס און אין יאָר 1928 — 3372 זל.

חוץ דעם האָבן אַ גאַנצע ריי אָרטיקע קאָמיטעטן פאַקטיש איבערגענומען אויף זיך די אויסהאַלטונג פון דעם גרעסטן טייל יתומים אויף די ערטער.

ווען מיר באַטראַכטן די שווערע לאַגע אין ווילנער געגנט, די קריזיס-יאָרן און מאַנגל אין דער עלעמענטאַרער הצטרכות פון יחיד, קומען מיר ווידער צו דער אָפּשאַצונג, אַז די רעזולטאַטן ווי קליין זיי זאָלן ניט זיין אין מאַטעריעלן זין אין פאַרגלייך מיט די באַדערפענישן, זיינען זיי דאָך געווען אַן אויסדרוק פון פולן אָנערקענען די נויטן פון די יתומים, פאַר וועמען ער איז אָפטמאָל אָפּגעגעבן געוואָרן דאָס לעצטע.

ס.

באַראַנאָוויטש--סלאָנימער ראַיאָן.

אַז מיר האָבן גערעדט וועגן „יעקאָפּאָ״-געביט, האָט עס געהייסן דער גאַנצער שטח פון ווילענשטשיזנע און אַ גרויסער טייל פון דער נאָוואָגרודקער געגנט. סוף יאָר 1924 האָט זיך דער שטח פון דער יתומים-טעטיקייט ביי „יעקאָפּאָ״ שטאַרק פאַרגרעסערט, דהיינו: עס איז פאַראייניקט געוואָרן מיטן „יעקאָפּאָ״-געביט דער באַראַנאָוויטש-סלאָנימער ראַיאָן.

ביז דער איבערדערמאָנטער דאַטע איז דער באַראַנאָוויטש - סלאָנימער ראַיאָן געווען אַיינגעשלאָסן אין ביאַליסטאָקער טעטיקייט-געביט. צוליב יורידישע ווי אויך טיילווייז אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמים איז געווען נויטיק צו מאַכן די ענדערונג און די אַרבעט אין דעם ראַיאָן איז איבערגעגאַנגען, ווי געזאָגט, אונטערן רשות פון „יעקאָפּאָ״.

אין געביט פון סלאָנימער קרייז זיינען אַריין פאָלגנדע שטעטלעך: סלאָנים, זשעטל, ביטען, דערעטשין, — ס״ה 4 פונקטן מיט 365 יתומים.

אין באַראַנאָוויטשער קרייז זיינען אַריין: נעסוויזש, סטאָלפּצי, האָראָדזיי, מיר, ליאַכאָוויטש, באַראַנאָוויטש, סווערזשען, מוש, סטאָלאָוויץ, פּאָלאַנקע, סיניאַווקע. סנאָוו, — ס״ה 12 פונקטן מיט 296 יתומים. אַלזאָ אין ביידע קרייזן א צאָל פון 661 יתומים.

אין ביידע ערטער הן אין באַראַנאָוויטש והן אין סלאָנים האָט זיך די אַרבעט פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג קאָנצענטרירט ביי די יידישע קהילות. שאַפנדיק קרייז-קאָמיסיעס, האָבן די קהילות געשטעלט אין דער שפּיץ טיכטיקע פאַרוואַלטערס, ווי די ה״ה מ. קאַפּלאַן און גאָלדבערג אין סלאָנים און מ. מוקאָסיי און באַראַנאָוויטש.

די אַרבעט, וועלכע איז לכתחילה געווען קאָנצענטרירט דער עיקר אויף באַשפּייזונג און באַקליידונג, האָט זיך פּיסלעכווייז, אונטער דער דירעקטער השפעה פון „יעקאָפּאָ״, פאַרנומען אַלץ מער מיט דער פּראָדוקטיווערער פאָרם פון אַיינאָרדענען די קינדער ביי פאַכן. אויך די שול-בילדונג איז פאַרצווייגטער געוואָרן.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אין סלאָנים געפינט זיך אַ יתומים-אינטערנאַט אויף 45 קינדער, אין וועלכן עס פירט זיך אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג.

אין פּראָווינץ זיינען אונטערגענומען געוואָרן פון צייט צו צייט באַזוכונגען אַממערסטן דורך די פאָרשטייער פון די קרייז-קאָמיסיעס און אויך דורך די פאָרשטייער פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די גאַנצע סיסטעם פון דער אָנגעהויבענער רעדוקציע האָט אויך ניט אויסגענומען די געגנט און אויך דאַ ווי אין ווילנער-

---

*) אַ געוויסע סומע (2.250 זל.) האָט „יעקאָפּאָ״ אין די יאָרן 1928–1929 באַקומען דירעקט פון סווענציאַנער סיימיק אַדאַנק דער מיטהילף פון אָרטיקן פאַרטרעטער י. הירדוס (נײ-סווענציאַן).

נאָוואָגרודקער געגנט איז געפירט געוואָרן א בהדרגהדיקע רעדוקציע פון דער שטיצע, כדי צו פאַרענדיקן די אַרבעט מיט געוואונטשענע רעזולטאַטן.

* * *

דער מצב פון דער יתומים-אַרבעט אין די לעצטע יאָרן.

פון די פריערדיקע קאַפּיטלעך איז קלאָר, אַז די ווייטערדיקע טעטיקייט פון דער יתומים-אַרבעט האָט זיך געדאַרפט מצמצם זיין, פאַרקירצן און פאַרשמעלערן. אַלץ איז געגאַנגען דערצו, אַז צו דעם אָנגעוויזענעם טערמין זאָל אויפהערן די שטיצע פון ד. ד. ק. און ממילא וואָלט אויך געקומען א סוף צו א גרויסן טייל טעטיקייט אויף דעם געביט.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אין „פאַרבאַנד פון די יתומים-צענטראַלעס" האָט מען זיך גאַנץ ערנסט באַצויגן צו דער פאַרשטייענדער ליקווידאַציע און מען האָט געזוכט מיטלען פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט. עס האָט ניט געקאָנט ליינן זיך אויפן שכל, אַז די אַרבעט, וועלכע איז מיט אַזויפיל מי און פּראָדוקטיוויטעט געפירט געוואָרן, זאָל גיין לאיבוד. עס איז, דעריבער, אויסגעאַרבעט געוואָרן א גענויער פּלאַן פון ליקווידאַציע און עס זיינען רעזערווירט געוואָרן ספּעציעלע ליקווידאַציע-סומען. אַזוי אַז אפילו נאָכדעם, ווי די שטיצע וועט זיך פאָרמעל אויפהערן, זאָלן די לאָקאַלע צענטראַלעס נאָך האָבן מעגלעכקייטן פאָרצוזעצן די אַרבעט אויף אייגענער אחריות, ביז עס וועט דערפירט ווערן צו דעם, אַז די היגע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט זאָל קענען, ווען אפילו אין א סך א קלענערן מאַסשטאַב און קלענערן טעמפּ, פאָרזעצן די אַרבעט.

וואָלטן די יאָרן געווען פּתקונן, וואָלטן אַלע אָנגעמערקטע פּלענער און פּראָיעקטן אויסגעפירט געוואָרן אין לעבן, וואָלטן פאַקטיש די ד. ד. ק. סומעס אויפגעהערט אין אַפּריל 1925, לויט דער אויסרעכענונג.

עס איז אָבער געווען ניט אַזוי: די שווערע בהלהדיקע יאָרן פון 1925—1926 האָבן זיך, ווי באַוואוסט, געלייגט ווי א שווערע כמאַרע אויף דער יידישער באַפעלקערונג. מיט זייער גרויזאַמקייט האָבן זיי דערמאָנט די יאָרן 1919—1920, ווען דער ד. ד. ק. האָט אָנגעהויבן זיין הילפס-אַרבעט אין פּוילן.

דער הילפס-געשריי פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן האָט זיך איבעראַניים דערטראָגן מעבר לים און די אַלגעמיינע הילפס-אַקציע, וועלכע איז באַניים געוואָרן אויף פאַרשיידענע געביטן פון יידישן לעבן אין פּוילן, האָט אויך ניט אויסגעמיידט די אַרבעט פאַר יתומים.

מיט אויפגעפרישטע כחות און דאָפּלטער ענערגיע איז דער פאַרבאַנד צוגעטראָטן צו א באַנייטער טעטיקייט.

אין „יעקאָפּאָ"-געביט האָט ווידער גענומען קלאַפּן ענערגישער דער דופק פון דעם געזעלשאַפטלעכן אויפברויז פאַרן עלנטן קינד.

אַן איבעררעגיסטרירונג פון אַלע יתומים, מלחמה-יתומים — לאו דווקא, איבערקאָנסטרואירונג פון די יתומים-קאָמיסיעס — איז געווען דער געבאָט פון דער צייט.

די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט איז וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער פאַך-אויסבילדונג פון די קינדער און אין דער הינזיכט איז „יעקאָפּאָ" תמיד געגאַנגען אויפן ערשטן אָרט.

„יעקאָפּאָ" האָט קאָנצענטרירט א גרויסע צאָל קינדער אין ווילנע, וועלכע זי האָט געבראַכט פון די פאַרוואָרפנסטע פּראָווינץ-שטעטלעך, וואו ס'זיינען ניטאָ ניט קיין שולן און ניט קיין מייסטערס, און האָט זיי דאָ אָפּגעגעבן אין פּראָפעסיאָנעלע שולן, וואַרשטאַטן און ביי גוטע פּריוואַטע בעלי-מלאכות.

די דערמאָנטע אויבן (ז. 247) וואַרשטאַטן אין אָשמענע, סמאָרגאָן, גלובאָקע און לידע האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן און די באַדערפעניש צו ברענגען די פּראָווינציעלע קינדער קיין ווילנע מיטן צוועק אויסצובילדן זיי אין א פאַך איז געוואָרן נאָך דרינגענדער. „יעקאָפּאָ" האָט דאָ ערפילט איר אויפגאַבע אין דער מאַקסימאַלער מאָס, אויף וויפיל דאָס איז איר נאָר געווען מעגלעך.

א גרויסער איבערברוך אין דער אַרבעט איז פאָרגעקומען אין לעצטן יאָר 1928—1929.

צום 1-טן יאַנואַר 1929 האָט זיך די שטיצע פון ד. ד. ק. אויפן גאָרמאַלן ביודזשעט שוין טאַקע אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. ס'זיינען נאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן געוויסע שטיצעס אויף ספּעציעלע צוועקן, בתוכם אויך אויף אַריבערגעפירטע קינדער פון די קלענערע פונקטן אין שטאָט צוליב פאַך-אויסבילדונג.

אין דער זעלבער צייט איז גראָד די עקאָנאָמישע לאַגע אין ווילנער געגנט געוואָרן אויסערסט שלעכט. א האַלבע געגנט (די פּאָוויאַטן דיסנער, בראַסלאַווער, סווענציאַנער און פּאָסטאַווער) האָט אין יאָר 1929 ממש געהונגערט צוליב דער אומגערעטעניש אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר. אויך אין די איבעריקע פונקטן איז דער מאַטעריעלער מצב געווען זייער א שווערער.

א גרויסער אומגליק האָט געטראָפן מיט דער בליענדער שטעטל איוויע, וועלכע איז אינמיטן מאַי 1929 אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אירע געזעלשאַפטלעכע בנינים און אַנשטאַלטן און בתוכם אויך מיטן יתומים-הויז.

„יעקאָפּאָ" האָט זיך געמוזט צופּאַסן צום נייעם מצב און האָט פאַרווענדעט א סך פון איר ענערגיע און געלט-מיטלען אויף די מער נויטווענדיקע פונקטן און זייערע הצטרכותן.

גלייכצייטיק איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן די גאַנצער יתומים-אַרבעט.

די פּריוואַטע אַדאָפּטאַציע איז פון אָנהויב יאָר 1929 אַריבער צו די אָרטיקע יתומים-קאָמיסיעס, קאָמיטעטן אָדער קהילות. „יעקאָפּאָ" האָט מער אויף דעם צוועק קיין סובסידיעס ניט אַרויסגעגעבן.

פאַרקערט, די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט און אַלע אָנשטרענגונגען פון „יעקאָפּאָ" זיינען אין יאָר 1929 געווען אָפּגעגעבן אויף צו דערפירן צו א גליקלעכן סוף די פאַך-אויסבילדונג פון די קינדער, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן קיין ווילנע פון די פּראָווינציעלע שטעטלעך אין דער צאָל פון 150. די דאָזיקע זייער וויכטיקע פּראָדוקטיווע אַרבעט האָט איינגעשלונגען אַן א שיעור ענערגיע און כוחות און האָט געפאָדערט גרעסערע געלט-מיטלען. „יעקאָפּאָ" האָט זיך אויך געווענדעט נאָך מיטהילף צו די איינצלנע שטעטלעך, אָבער צוליב דעם זייער שווערן עקאָנאָמישן מצב אין די פונקטן, הונגער, פאַראָרעמונג און קריזיס, האָט די ווענדונג קיין גרעסערע רעזולטאַטן ניט געקענט ברענגען. בלויז איינציקע פונקטן האָבן צוגעשיקט געוויסע סומעס אַלס צושטייער פאַר די פאַך-קינדער. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז א גרויסע צאָל קינדער איז גראָד געווען פון דער געגנט, וואָס האָט געהונגערט צוליב דער אומגערעטעניש.

די יתומים-אַנשטאַלטן אין אָשמענע, איוויע, לידע, סלאָנים און נאָוואָגרודאָק, ווי אויך די צוויי בורסעס אין נאָוואָגרודאָק „שוקדי מלאכה" און די קרייז-קאָמיסיעס אין באַראַנאָוויטש און סלאָנים האָט „יעקאָפּאָ" אויך ווייטער סובסידירט, הגם אין א פאַרקלענערטער מאָס.

דעם גרעסטן טייל פון זייערע בודזשעטן האָבן אָבער די אַנשטאַלטן, ווי אומעטום אין פּוילן, געשאַפן אויפן אָרט פון אייגענע זאַמלונגען און פון בא-

דייטנדערע סובסידיעס מצד די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס.

די מערהייט קינדער פון אָפּגעברענטן איוויער יתומים-הויז (און דער ערשטער ריי די קיילעכדיקע יתומים) זיינען ביי אַ געוויסער סובסידיע פון „יעקאָפּאָ" און פאַרבאַנד איינגעאָרדנט געוואָרן אין די יתומים-הייזער פון לידע, נאָוואָגרודאָק און אָשמענע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אין מעשים זייער גרויסן מיטגעפיל צו די קרבנות פון דער קאַטאַסטראָפע.

אויף די איבעריקע געביטן פון דער יתומים-אַרבעט זיינען אויך ווייטער געפירט געוואָרן פון יאָר צו יאָר די זומער-קאָלאָניעס (אַריינגערעכנט ציעכאָצינעק), די אינוועסטירונג פון אייניקע אַנשטאַלטן און די באַזאָרגונג מיט מכשירים, אין געוויסע פאַלן, פון די קינדער, וואָס האָבן געענדיקט דעם פאַך און זיינען געוואָרן זעלבשטענדיקע בעלי-מלאכות.

די ווייטערדיקע טאַבעלן אילוסטרירן גענויער די אַרבעט.

די ציפער באַווייזן די אַלגעמיינע צאָל יתומים, וואָס זיינען באַזאָרגט געוואָרן, די אַלגעמיינע בילדונג, די פאַך-בילדונג און די צאָל זעלבשטענדיק-געוואָרענע קינדער לויט די פאַכן.

און אונטערפירנדיק אַ סך-הכל, זעען מיר די טויזנטער שילער, די הונדערטער בעלי-מלאכות, צילבאַוואוסטע און דערמונטערטע, וואָס גיט די האָפענונג און דעם גלויבן, אַז די אַרבעט איז ניט אַוועק אומזיסט.

דעם לעצטן סך-הכל וועלן טאַקע מאַכן זיי: — די טויזנטער יתומים און יתומות, וואָס זיינען ממש געראַטעוועט געוואָרן פון אָפּגרונט און זיינען דערצויגן געוואָרן צו אַ געזונטן און פּראָדוקטיוון לעבן, און וועלכן זיי זיינען אַריין מיט זייערע יונגע כוחות און וואָס אַנדערש וואָלטן זיי זיכער אומגעקומען פון הונגער, חושך און הפקרות *).

סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די יתומים, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" און זיינע אָרטיקע קאָמיטעטן.

טאַבעלע נומ׳ 1. אַלגעמיינע צאָל יתומים.

יאָר	צאָל	יינגלעך	מיידלעך	גאַנצע יתומים	האַלבע יתומים
1919	1536	—	—	—	—
1923	754	—	—	—	—
1925	963	492	471	196	767
1926	1678	851	827	334	1344
1927	2049	1066	983	437	1612
1928	2112	1081	1031	454	1658
1 יאַנואַר 1929	1994	1026	968	426	1568
1 יולי 1929	**) 665	305	360	165	500

טאַבעלע נומ׳ 2. עלטער פון די קינדער.

1 יאַנואַר 1929.

אַלט	יינגלעך	מיידלעך	צוזאַמען
7 יאָר	38	44	82
„ 8	35	36	71
„ 9	34	34	68
„ 10	58	55	113
„ 11	76	79	155
„ 12	105	111	216
„ 13	155	161	316
„ 14	172	170	342
„ 15	263	201	467
„ 16	90	74	164
7—16 יאָר	1026	968	1994

1 יולי 1929.

אַלט	יינגלעך	מיידלעך	צוזאַמען
4 יאָר	7	1	8
„ 5	4	1	5
„ 6	8	5	13
„ 7	6	13	19
„ 8	7	16	23
„ 9	14	10	24
„ 10	12	16	28
„ 11	22	26	48
„ 12	20	36	56
„ 13	16	31	47
„ 14	35	48	83
„ 15	49	44	93
„ 16	41	56	97
„ 17	28	34	62
„ 18	26	23	49
„ 19	10	—	10
4—19 יאָר	305	360	**) 665

---

*) ווי ס'איז שוין אויבן באַמערקט געוואָרן, האָט זיך צום אָנהויב יאָר 1929 אָפּגעשטעלט די שטיצע פון ד. ד. ק. אויפן נאָרמאַלן ביודזשעט. דער ד. ד. ק. האָט פאַרויסגעגעבן געוויסע געלטער אויף ספּעציעלע צוועקן (דער עיקר אויף אינוועסטיציעס), וועלכע זיינען אָבער צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע אויף די ערשטע גרעסטנטיילס פאַקטיש פאַרטאָן געוואָרן פון יתומים-פאַראַבאַנד אויפן נאָרמאַלן ביודזשעט. סוף יאָר 1929 האָט זיך בכלל געזאָלט אָפּשטעלן יעטווידער שטיצע פון ד. ד. ק. שוין ניט נאָר אויפן געוויינלעכן אָדער נאָרמאַלן ביודזשעט (אויסהאַלטונג פּריוואַט אָדער אין אַנשטאַלטן, עסן, דירה, באַקליידונג, שכר-לימוד אויף אַלגעמיינע אָדער פאַך-בילדונג א. אַז. וו.), נאָר אויך אויפן ספּעציעלן ביודזשעט (אינוועסטיציעס, זומער-קאָלאָניעס א. אַז. וו.).

אָבער ווי דאָס האָט שוין ניט איינמאָל געטראָפן אין דער געשיכטע פון „דזשוינט", איז אין נאָוועמבער 1929 געוואָרן באַוואוסט, אַז דער ד. ד. ק. זאָל ווייטער שטיצן, אָפּהענגיק פון דער נייער זאַמלונג (דרייוו) אין אַמעריקע, לויט געוויסע אופנים (דער עיקר אינוועסטיציעס און ספּעציעלע צוועקן, אין אַ קליינער מאָס — אויך דעם נאָרמאַלן ביודזשעט), די יתומים-אַרבעט אויף די דריי יאָר 1930—1931—1932 (וואָס פון יאָר אַלץ ווייניקער). אויף אַזאַ אופן איז אויך לויט די נייע אופנים דער ווייט-גרעסטער טייל פון ביודזשעט איבערגעבליבן געוואָרן צום דעקן פאַר דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

ר ע ד.

**) פאַרקלענערט לגבי דעם 1-טן יאַנואַר צוליב דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט, ווי ס'איז אָנגעוויזן אויף דער זייט 273.

טאַבעלע נומ׳ 3. יתומים-הייזער און בורסעס.

1 יאַנואַר 1929.

שטאָט	צאָל קינדער	ייִנגלעך	מיידלעך	גאַנצע יתומים	האַלבע יתומים
1. אַשמענע	30	15	15	13	17
2. איוויע	22	9	13	7	15
3. לידע	31	11	20	10	21
4. נאָוואָגרודעק	27	8	19	14	13
5. סלאָנים	45	12	33	14	31
6. נאָוואָגרודעק: 2 בורסעס	23	10	13	10	13
בסך-הכּל .	178	65	113	68	110

1 יולי 1929.

שטאָט	צאָל קינדער	ייִנגלעך	מיידלעך	גאַנצע יתומים	האַלבע יתומים
1. אַשמענע	37	16	21	12	25
2. איוויע	אָפּגעברענט (ז. זייט 273)				
3. לידע	36	13	23	10	26
4. נאָוואָגרודעק	29	10	19	14	15
5. סלאָנים	42	14	28	10	32
6. נאָוואָגרודעק: 2 בורסעס	23	10	13	10	13
בסך-הכּל .	167	63	104	56	111

טאַבעלע נומ׳ 4. פאַך-בילדונג.

ס׳האָבן זיך געלערנט מלאכה:

יאָר	צאָל קינדער	ביי פּריוואַטע מייסטערס		אין פאַך-שולן		צוזאַמען	
		ייִנגלעך	מיידלעך	ייִנגלעך	מיידלעך	ייִנגלעך	מיידלעך
1927	537	241	221	53	22	294	243
1928	564	239	208	72	45	311	253
1929 1 יאַנואַר	478	219	164	39	56	258	220
1929 1 יולי	274	83	102	55	34	138	136

טאַבעלע נומ׳ 5.

צאָל זעלבשטענדיק-געוואָרענע קינדער פאַר דער גאַנצער צייט (5 יאָר, צום 1 יולי 1929) לויט די פאַכן *).

פאַך	ייִנגלעך	מיידלעך	בסך-הכּל
1. שניידער	166	213	379
2. שוסטער	69	—	69
3. סטאָלער	65	—	65
4. שלאָסער	61	—	61
5. וועש-נייטערינס . .	—	33	33
6. שטעפּער	26	—	26
7. קירזשנער	17	1	18
8. פריזירער	13	—	13
9. בלעכער	8	—	8
10. מאָלער	7	—	7
11. פאָטאָגראַפן	6	—	6
12. שמידן	3	—	3
13. בעקער	3	—	3
14. מעכאַניקער	2	—	2
15. איינבינדער	2	—	2
טראַנספּאָרט . .	448	247	695
16. צאָן-טעכניקער . .	2	—	2
17. האַנדלס-אַנגעשטעלטע	2	—	2
18. עלעקטראָ-טעכניקער	2	—	2
19. זייגערמאַכער . . .	1	—	1
20. טאַפּיצער	1	—	1
21. זאָקן-מאַכערינס . .	—	1	1
22. סופרים	1	—	1
23. זעצער	1	—	1
24. האַפטערינס	-	1	1
25. מולער	1	—	1
26. פוצמאַכערינס . .	—	1	1
27. שטעמפּל-מאַכער . .	1	—	1
אַנדערע	—	3	3
בסך-הכּל .	460	253	*) 713

---

*) צום 1-טן אָקטאָבער 1929 האָבן געענדיקט זייערע פאַכן און זיינען געוואָרן זעלבשטענדיק נאָך 51 קינדער (שניידערינס — 19, שלאָסער — 16, סטאָלער — 5, שניידער — 3, טעכניקער — 2, סעמינאַריסטינס — 2 און צו 1 מאָלער, בעקער, פאָטאָגראַף און שטעפּער; ייִנגלעך — 30, מיידלעך — 21), צוזאַמען 764 קינדער. פאַרבליבן נאָך לערנען אין די פאַך-שולן און ביי פּריוואַטע מייסטערס אין ווילנע (פון די געבראַכטע דורך „יעקאָפּאָ" קיין ווילנע פּראָווינציעלע קינדער) אויף צו ענדיקן דעם פאַך אין יאָר 1930 — 65 קינדער. בסך-הכּל ווערט, אַלזאָ, פאַרגרעסערט די צאָל זעלבשטענדיק-געוואָרענע קינדער, דורך דער „יעקאָפּאָ"-פאַרזאָרגונג, צום 1 יולי 1930 — 829 פּראָווינציעלע קינדער, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער פאַך-אויסבילדונג הן אין ווילנע והן אויף די ערטער.

* * *

י. וואַלק

עמיגראַציע-אַרבעט זינט דער גרינדונג פון „יעאָס"

ווי אין דער גאַנצער אַרבעט פון „יעקאָפּאָ" פאַר די 10 יאָר צייט, איז אויך אויפן עמיגראַציע-געביט פאַראַן צו פאַרצייכענען צוויי תקופות אין איר טעטיקייט.

די ערשטע תקופה, וועלכע איז אויבן גאַנץ גענוי באַשריבן געוואָרן אין אַרטיקל פון ס. אַנטאָוויל (זייטן 109—126), נעמט אַרום די יאָרן 1920—1924. דער צווייטער פּעריאָד הייבט זיך אָן פון יאָר 1925 און אַנטוויקלט זיך ביז אויפן היינטיקן טאָג.

דער ערשטער פּעריאָד — איז געווען די תקופה פון אָרגאַניזירן די רויע און צופלאָסענע עמיגראַנטן-מאַסע אין ציל-באַוואוסטע וועגן. אַלץ איז געווען פריש, אַלץ ניי. אַנדערש וואָלט די עמיגראַנטן-כוואַליע צעשוואומען געוואָרן אין כאַאָס און עקספּלאָאַטירט געוואָרן פון הונדערטער אַגענטן און מאַכערס, וועלכע האָבן געלויערט פון אַלע זייטן.

דאָס איז געווען אין די ערשטע נאָך-מלחמה יאָרן, ווען חוץ די עמיגראַנטן פון ווילנער געביט, — האָבן זיך נאָך אַ לאָז געטאָן פון רוסלאַנד כל המינים פאַרוואָגלטע נפשות, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך אַן אָפּרו און געשטרעבט צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע פאַמיליעס אין אַמעריקע, מיט וועלכע זיי זיינען געווען צעשיידט באַלד 10 יאָר.

אָט די תקופה קען אייגנטלעך אויך אָנגערופן ווערן די אַמעריקאַנער תקופה. עס קען אויסווייזן פון ערשטן בליק, אַז קיין אַנדערע לענדער אויף דער וועלט חוץ צפון-אַמעריקע האָבן בכלל ניט עקסיסטירט. אַלץ האָט געשטרעבט אַהין. דער גאַנצער געדאַנק און פאַרלאַנג איז געווען ווי אַזוי אַריינצודרינגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס פאַקטישע שליסן די טויערן פון אַמעריקע דורך דער איינפירונג פון אַ קוואָטע אין מיטן יאָר 1924, האָט אַלזאָ צעדרודערט די מוחות און צונישט געמאַכט די חלומות און חשבונות פון פיל עמיגראַנטן און ערב-עמיגראַנטן פאַמיליעס.

דער שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכן עס האָט צו יענער צייט איבערגעלעבט די ווילנער געגנט (ווי בכלל גאַנץ פּוילן), האָט געבראַכט דערצו, אַז דער עמיגראַציע-פיבער האָט זיך פאַרדאָפּלט און פאַרפילפאַכט.

אַמעריקעס פּלאַץ האָט דאַן פאַרנומען ארץ-ישראל. עס האָט זיך אַהין אָנגעהויבן אַ שטאַרקע עמיגראַציע, וועלכע האָט זיך נאָכדעם קונה-שם געווען אַלס די „פערטע עליה". און הגם דער אינטערעס צו ארץ-ישראל איז דאַן געווען אין סאַמע ברען, — יענעם יאָר האָבן אין ארץ-ישראל אימיגרירט קרוב צו 37 טויזנט יידן, — דאָך האָבן שוין אַ באַדייטנדע צאָל עמיגראַנטן גענומען אינטערעסירן זיך מיט אַנדערע לענדער חוץ פּאַלעסטינע.

סוף דעצעמבער 1924 איז פאָרגעקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער איבערבוי פון דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ". צו יענער צייט האָט זיך געגרינדעט אין וואַרשע לויט דער איניציאַטיוו פון די פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער „היאַס" און אָרטיקע טוער ה"ה לעאָן לעוויטע, משה שאַליט, ד"ר מ. זילבערפאַרב א. א. די יידישע צענטראַלע עמיגראַציע-געזעלשאַפט אין פּוילן, וועלכע איז עד-היום פּאָפּולער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג מיטן פאַרקירצטן נאָמען „יעאָס"*).

„יעאָס" האָט געעפנט פאַרשיידענע אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ. די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" איז אַלזאָ, פאָרמעל געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון „יעאָס". אַלס אַזאַ איז די ווילנער אָפּטיילונג טעטיק ביז היינטיקן טאָג. למעשה, אָבער, האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן, קיינע שנויים זיינען ניט פאָרגעקומען און די עמיגראַציע-אַרבעט ווערט געפירט ווי שטענדיק ביי „יעקאָפּאָ".

ווי געזאָגט אויבן ווערט דער יאָר 1925 פאַרנאָטירט ביי אונז אַלס אַ התחלה-יאָר פון אַ צווייטן פּעריאָד אין דער אַרבעט אויפן עמיגראַציע-געביט, — אַ פּעריאָד פון אַן אינטענסיווער און אימפּולסיווער עמיגראַציע-טעטיקייט.

פון דער ווייטערדיקער טאַבעלע איז צו זען, אַז אין יאָר 1925 האָבן באַזוכט אונזער ביוראָ 1357 ראשי-המשפחה. לויט אונזער מיינונג איז דאָ אָבער ניט אַזוי וויכטיק די צאָל באַזוכער, וועלכע איז אַגב זייער אַן אימפּאָזאַנטע, נאָר דער עיקר דער „וואוהין" — די צאָל לענדער, וועלכע זיינען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט פון יידישן וואַנדערער.

אַזוי זעען מיר צום ערשטן מאָל אין דער טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ", ווי עס איז גענוי אילוסטרירט אין די ווייטערדיקע טאַבעלן, — אַן ערנסטע פאַראינטערעסירונג אין יאָר 1925 מיט אַרגענטינע און בראַזיליע, קאַנאַדע און מעקסיקע, פראַנקרייך און רוסלאַנד, דרום-אַפריקע און אַנדערע לענדער, בסך-הכל 26 מדינות אין דער גאַרער וועלט.

די עמיגראַציע-אַרבעט האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן. די רעזולטאַטן זיינען וואָס אַ יאָר ווייטער אַלץ בולטער און ממשותדיקער.

אין יאָר 1925 האָבן די ביוראָ באַזוכט 1357 עמיגראַנטן, אין יאָר 1926 — 2745 עמיגראַנטן, אין יאָר 1927 — 2718 עמיגראַנטן, אין יאָר 1928 — 2659 עמיגראַנטן און אין די 6 חדשים פון יאָר 1929 — 1729 עמיגראַנטן. די אַלע ציפערן זיינען נוגע נאָר די ראשי-המשפחות.

פון די אויבנדערמאָנטע טאַבעלן איז צו זען, אַז בעת אין יאָר 1925 האָבן זיך געווענדעט 1357 נייע עמיגראַנטן, האָט די צאָל אין יאָר 1926 דערגרייכט ביז 2745, ד. ה. געשטיגן אויף גאַנצע 1388 משפחות. אין די ווייטערדיקע צוויי יאָר מערקט זיך ניט קיין שטייגערונג און די צאָל וואַקלט זיך צווישן 2660-2720. פאַרקערט, עס מערקט זיך נאָך עפּעס אַ פאַרקלענערונג פון יאָר צו יאָר. אַן אויסנאַם וועט מסתמא זיין דער יאָר 1929, וועלכער ווייזט סימנים, אַז די

---

*) די גרינדונג פון „יעאָס" האָט געדויערט אַ לענגערע צייט און איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצער ריי באַראַטונגען מצד די טוער פון די געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געפירט אַן עמיגראַציע-אַרבעט.

אין יאָר 1923 האָט זיך צוערשט געבילדעט אַ פאַראייניקטער גרינדונגס-קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון די פאָלגנדע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען טעטיק אויפן געביט פון ייד. עמיגראַציע אין פּוילן: „היאַס", נאַציאָנאַל-ראַט, אוקראַינער קאָמיטעט, פּאַלעסטינע-אַמט (וואַרשע), „יעקאָפּאָ" (ווילנע) און „רעטונגס-קאָמיטעט" (לעמבערג). דעם דאָזיקן פאַראייניקטן קאָמיטעט האָט דער אַמעריקאַנער „היאַס" מיט זיין רעגולערן פאַרטרעטער ה' לעווין-עפּשטיין בראש איבערגעגעבן זיין עמיגראַציע-אַרבעט אין פּוילן.

דעם 21-טן יאַנואַר 1925 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַן עמיגראַציע-קאָנפערענץ, וועלכע האָט אויסגעוויילט אַן עקזעקוטיווע און ראַט פון דער געזעלשאַפט און דער גרינדונגס-קאָמיטעט האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט פאַר „יעאָס".

דער סטאַטוט פון „יעאָס" איז לעגאַליזירט געוואָרן אין יאָר 1924.

שפּעטער, אָנהייב 1927, איז פאָרגעקומען אַן אַלוועלטלעכע יידישע עמיגראַציע-פאַראייניקונג פון „היאַס", יק"א און „עמיגדירעקט" (אין דעם אויך פון „יעאָס") אונטערן נאָמען „היקעם".

רעד.

צאָל וועט דערגרייכן איבער 3000 עמיגראַנטן-פאַמיליעס.

די סיבה, וואָס האָט גורם געווען דערצו, איז בלי-ספק די טענדענץ פון די אימיגראַציע-לענדער צו פאַרמאַכן זיך פאַרן עמיגראַנט. אַזוי זיינען מיר געווען די לעצטע יאָרן עדות פון פיל גזרות און חומרות מצד די מלוכות פון די איינוואַנדערונגס-לענדער בנוגע עמיגראַנטן בכלל און יידישע בפרט.

גאָר אַן אַנדער בילד באַקומט זיך אָבער, ווען מען באַקאַנט זיך מיט דער צאָל אויסגעאַרבעטע פּעסער און אָפּגעפאַרענע אין די אימיגראַציע לענדער. פון דער באַטרעפנדער טאַבעלע איז צו זען, אַז בעת אין יאָר 1925 זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן 83 פּעסער, זיינען אין יאָר 1926 אויסגעאַרבעט געוואָרן 379 פּעסער, אין יאָר 1927 — 603 פּעסער, אין יאָר 1928 — 715 פּעסער און אין דעם האַלב יאָר פון 1929 — 596 פּעסער, — כמעט אַזויפיל וויפיל אין גאַנצן יאָר 1928

מיט אַנדערע ווערטער: אין יאָר 1925 האָבן נאָר 6 פּראָצ. פון די פּעטענטן פאַרווירקלעכט זייער פאַרלאַנג, אויסגעאַרבעט זיך פּעסער און אָפּגעפאָרן. אין יאָר 1926 שטייגט שוין די צאָל ביז 14 פּראָצ., אין יאָר 1927 — 22 פּראָצ., אין יאָר 1928 — 27 פּראָצ. און אין האַלב יאָר 1929 דערגרייכט שוין די אָפּגעפאָרענע צאָל פון די פאַקטישע עמיגראַנטן די ציפער פון 34 פּראָצ. פון אַלע ווענדונגען אין אונזער ביוראָ וועגן עמיגרירן

די לעצטע ציפער פירן אַרויף אויף טרויעריקע, גאָר טרויעריקע מחשבות. זיי אילוסטרירן בולט די אַלץ וואַקסנדיקע קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע אין עקאָנאָמישער הינזיכט, וועלכע עס לעבט איבער די יידישע באַפעלקערונג פון אונזער קאַנט. די טאַבעלע ווייזט באַשיינפערלעך, אַז אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט מען זיך ווענדן אַכמייסטן מיטן צוועק צו זאָנדירן דעם באָדן, שלאָגן זיך מיט דער דעה — יאָ עמיגרירן אָדער ניט. אויף דעם טאָג מיטלסלעבן איז משמעות נאָך געווען.

שפּעטער אָבער איז ניט פאַרבליבן קיין צייט אויף גרויסע ישוב-הדעתן, די לאַגע האָט געדריקט, אויסזיכטן אויף פאַרבעסערונג האָבן זיך ניט געזען. האָט מען פאַרקלערט צו עמיגרירן — איז אומר ועושה — גערעדט און געטאָן.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז אין די לעצטע יאָרן געווען וואָס ווייטער אַלץ אומדערטרעגלעכער. די פאַרשפּרייטע קריסטלעכע קאָאָפּעראַציע רייסן בהדרגה-דיק אַרויס דעם קליינהאַנדל פון יידישע הענט. אויך די עטאַט-פּאָליטיק פון דער מלוכה האָט שווער אָפּגערופן זיך אויף דעם אונטערנעמונגס-גייסט פון יידישן סוחרטום. דאָס אַלץ האָט שעדלעך געווירקט אויך אויף דעם יידישן בעל-מלאכה און די רעזולטאַטן פון דעם איז אַ נערוועזע שטימונג און בהלהדיקער דראַנג צום עמיגרירן.

ווי עס איז צו זען פון די ווייטערדיקע טאַבעלן האָט זיך געווענדעט אין דער עמיגראַציע אָפּטיילונג יונג, כמעט יינגלעך, און אַלט — גרייז גרויע זקנים. אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג. צווישן זיי בעלי-מלאכות און אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און סוחרים-לייט, ערד-אַרבעטער און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס. ווייטער גייען סתם דעקלאַסירטע. אָן עם רב.

וואוהין האָט געשטרעבט דער וואַנדערער? — על פי רוב איז עס געווען אָנגעצייכנט פון פריער. די יידישע עמיגראַציע קען בכלל כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס קרובים-עמיגראַציע. מען שרייבט זיך אויף מיט קרובים, מיט באַקאַנטע, מיט פריינד. אָבער אָפטמאָל דערגייען אויך ידיעות פון אַ שכן אָדער פון אַ ווילד-פרעמדן, אַז אין דעם און דעם לאַנד קען מען מאַכן אַ לעבן. אויף אַזאַ אופן זיינען פאַרפיקסירט געוואָרן אין דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג 47 לענדער, מיט וועלכע יידישע עמיגראַנטן האָבן זיך אינטערעסירט. עס איז, אָבער, אויך פאַרנאָטירט געוואָרן די גרויסע צאָל פון 569 עמיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט געוואוסט לכתחילה וואוהין צו עמיגרירן און געקומען זיך אַן עצה האַלטן, אין וועלכן לאַנד צו פּרובן זייער מזל, וואוהין צו לאָזן זיך אין ווייטן וועג.

און דער וועג איז געווען און איז עד-היום אַ שווערער און פול מיט שטרויכלונגען. די טויערן פון יעדן לאַנד ווערן וואָס פון טאָג אַלץ מער געשלאָסן און פאַרריגלט מיט זיבן שלעסער. און אַזוי זעען מיר אַלץ שטייגנדיקע טענדענצן צו באַגרעניצן די אימיגראַציע ביז אַ מינימום. פאַרן עמיגראַנט שטייען שטענדיק פאַר די אויגן ווי אַ געשפּענסט, די מעגלעכע אימיגראַציע-גזרות, ער ציטערט שטענדיק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג און וויל זיך דערווייל „אַריינכאַפּן" אין אַ וואָסער ניט איז לאַנד, ווייל ווער ווייס צי שפּעטער וועט מען שוין אַהין אַריינלאָזן.

און, ליידער, איז די שרעק ניט אומזיסט.

נאָכקוקנדיק דעם ביישפּיל פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אויך געשלאָסן אירע טויערן קאַנאַדע. אַריינקומען אַהין האָבן רעכט נאָר נאָענטע קרובים, ווי עלטערן, אומפאַרהייראַטע קינדער, ברידער און שוועסטער, מיט געוויסע מינימאַלע אויסנאַמען פאַר אַנדערע קאַטעגאָריעס. דער יוצא מן הכלל, וואָס ווערט געמאַכט פאַר ערד-אַרבעטער, האָט יידן אינגאַנצן אויסגעמיטן. יידן ווערן צו דעם ניט צוגעלאָזן.

אַ געוויסע צייט איז געווען שטאַרק די עמיגראַציע קיין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ ריינע קרובים-עמיגראַציע (פרויען צו מענער, כלות צו חתנים, עלטערן צו קינדער א. אַז. וו.). אָבער וואָס מער די עמיגראַציע איז געוואַקסן, אַלץ גרעסער זיינען געוואָרן די שוועריקייטן מצד דער רוסישער מאַכט אויף צו באַקומען אַן ערלויבעניש אַריינצופאָרן אין לאַנד. צו דעם זיינען די פּרנסה-מעגלעכקייטן אין לאַנד געווען, ווייזט אויס, ניט קיין גרויסע.

דערווייל האָט זיך פאַרגרעסערט די עמיגראַציע קיין אַרגענטינע. די ידיעות פון דאָרט זיינען געווען גאַנץ באַפרידיקנדע און אָפטמאָל זאָגאַר מונטערע. יידן האָבן דאָרט געמאַכט אַ לעבן און גענומען רופן צו זיך קרובים און באַקאַנטע. די כוואַליע האָט זיך, אָבער, גיך פונאַנדערגעגאָסן איבער די ברעגעס. יידן זיינען דער עיקר אַ שטאָטישער עלעמענט און ניט דאָס זוכט אַרגענטינע. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען דעריבער איינצוימען אַ ביסל דעם עמיגראַציע-שטראָם און די שטעט און פרייער מאַכן די וועגן צום דאָרף, צו די אומענדלעכע אַרגענטינער סטעפּעס. דאָס האָט זיך נאַטירלעך אָפּגערופן שלעכט אויף דער יידישער איינוואַנדערונג.

געווען אַ צייט אין יאָר 1928, ווען יידן זיינען פלוצלונג דערפרייט געוואָרן מיט אַ מדינה האָנדוראַס, וועלכע געפינט זיך אין צענטראַל-אַמעריקע. אַ יידישער קאָנסול האָט צוגעזאָגט פאַרשיידענע הנחות ביים איינוואַנדערן אין לאַנד. בשעתו האָט די ידיעה געמאַכט אַ רעש: עס האָט זיך געדוכט, אַז מיט דעם וועט קומען אַ פאַרלייכטערונג און עס וועט טיילווייז געשטילט ווערן דער „לענדער-הונגער". האָט מען זיך אַ ביסל געטומלט, פאַרוואָרפן מיט בריוו די עמיגראַציע-אָפּטיילונג, שטעטלעך האָבן זיך צונויפגעלייגט אויף הוצאות און געשיקט דעלעגאַציעס קיין ווילנע. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער ענין איז

ניט קיין סאָלידער און ס'איז שטיל געוואָרן.

די לעצטע יאָרן (1928, 1929) גייט א באַדייטנדע עמיגראַציע קיין בראַזיליע און דרום-אַפריקע. אין בראַזיליע ווערט מען אַריינגעלאָזן אָן שום באַגרענעצונגען. אין אַפריקע דאַקעגן — אויף אַן אַרויספאָדערונג. די פּראָצעדור ביים באַקומען די אַרויספאָדערונג איז אָבער ניט קיין שווערע.

חוץ די אַלע מדינות איז געווען א גרויסע נאָכפראַגע אויף די אייראָפּעאישע לענדער, ווי פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, לעטלאַנד, עסטלאַנד און אַנדערע. אַהין האָבן געפּלאַנט צו פאָרן אַממייסטן די, וועלכע באַזיצן ניט גענוג מיטלען אויף הוצאות-הדרך, וויפיל עס איז נויטיק אויף א ווייטע נסיעה מעבר-לים.

א באַזונדערן אינטערעס האָט מען אַרויסגעוויזן צו קובע און מעקסיקע. ביידע לענדער דינען נאָך עד-היום ביים עמיגראַנט אַלס טיר- און פענסטער צו די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס זיינען געווען אויך צייטן (אין יאָר 1925), ווען א גרופּע מענטשן פון 35 פּערזאָן האָבן גאַנץ ערנסט געטראַכט וועגן שפּאַניע, פון וואַנען זיי זאָלן האָבן באַקומען ידיעות וועגן גוטע איינאָרדענונגס-מעגלעכקייטן. זיי וואָלטן אפשר פאַרווירקלעכט זייער ציל, ווען ניט דער „הפסק-חיים". דהיינו: זיי האָבן זיך געווענדעט מיט אַן אָנפראַגע און מען האָט געפּסקנט, אַז דער חרם איז נאָך חל אויף דאָס לאַנד...

אַזוי פילט זיך די גאַנצע צייט אַן עליה-וירידה-שטימונג אין די רייען פון יידישן וואַנדערער. מיט דעם, אייגנטלעך, איז דער גרויסער אונטערשייד צווישן יידישן און קריסטלעכן עמיגראַנט. דער לעצטער איז א דאָרפישער עלעמענט, וועלכער איז צוגעפּאַסט פאַר פעלדער, וועלדער און פּלאַנטאַציעס. זיינע זיינע וועגן צילבאַוואוסטע. אויף זיין האָריזאָנט זעען זיך ניט קיין סך לענדער. מען קען עס אויף די פינגער איבערציילן: קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיליע, פּערו, אפשר נאָך א צוויי-דריי.

דער ייד וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן. עס איז, דוכט זיך, ניטאָ קיין איין לאַנד אויפן ערד-קוגל, וואוהין יידן פון אונזער געגנט זאָלן ניט האָבן געוואָרפן אַן אויג: האַוואַאישע אינזלען, קאָנגע, טערקיי, קוואַטעמאַלע, ניו-פאַנלענד, כינע, טוניס, קאָלומביע, און וואו ניט!

די אויסערסט-אַנגעשטרענגטע לאַגע פון יידישן עמיגראַנט, דער בלבול-המוחות און פאַרשיידענע פאַרלאַנגען האָבן געפאָדערט א ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און גענויע אויפקלערונגען. די עמיגראַציע-געזעלשאַפט האָט זיך אַלזאָ פאַרנומען ברייט צו אינפאָרמירן, ראשית, וועגן די לעבנס-באַדינגונגען אין די איינוואַנדערונגס-לענדער, וועגן די איינאָרדענונגס-מעגלעכקייטן ביי מלאכה, מסחר און לאַנדווירטשאַפט.

די טעטיקייט פון דער אָפּטיילונג איז רייך מיט ביישפּילן פון א געפירטער אויפקלערונגס-אַרבעט און וואָרנונגען ניט חרוב צו מאַכן אַן איינגעזעסענעם לעבן און זוכן אין נייע לענדער גליקן, וועלכע זיינען בחזקת-ספק.

פאַרקערט, — האָט שוין דער עמיגראַנט באַשלאָסן צו פאָרן, — דאַן איז ער גענומען געוואָרן אונטער דער פולער אויפזיכט פון דער עמיגראַציע-געזעלשאַפט, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט פאַר אים די נויטיקע פאַפּירן, באַשיצט אים פון מיסברויכן און עקספּלאָאַטאַציע און מיט דעם אַרויסגעריסן אים פון די נעגל פון פאַרשיידענע אַגענטן און מאַכערס.

די אויבנאויסגערעכנטע גרויסע אויפגאַבן וואָלט ניט געווען מעגלעך צו ערפילן, ווען די יידישע עמיגראַציע-פּראָבלעם וואָלט ניט געווען סוף כל סוף אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט און פולן פאַרנעם מצד די באַטרעפנדע אָרגאַנען. די עמיגראַציע-אַרבעט, וועלכע איז געווען ביזן יאָר 1924 א קנין פון 3 צענטראַלע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן, ווי „יק"א", „היאַס" און „עמיגדירעקט" האָט ענדלעך באַקומען איר תיקון. מען האָט דערפילט דעם שאָדן, וואָס עס ברענגט די צעשפּליטערטקייט פון א גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבעט, וועלכער ווערט געפירט אויף איין און דעמזעלבן געביט מצד דריי פאַרשיידענע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין יאָר 1924 האָט זיך אָנגעהויבן א פּרוב פון א קאָאָרדינאַציע טעטיקייט אויפן עמיגראַציע-געביט, וועלכע האָט זיך גליקלעך געענדיקט מיט אַן אַלגעמיינער פאַראייניקונג פון די אויבנדערמאָנטע 3 אָרגאַניזאַציעס אָנהויב אַפּריל 1927. היינט צו טאָג עקסיסטירט אַלזאָ איין פאַראייניקטער אַלוועלטלעכער צענטראַלער עמיגראַציע-אָרגאַן: „היאַס—יקאַ—עמיגדירעקט", וועלכער טראָגט דעם פאַרקירצטן נאָמען „היקעם", בראש פון וועלכע עס שטייען די דירעקטאָרן ה"ה עדואַרד אונגער פון „יקאַ", א. בענדזשאַמין (פריער ד"ר דזשעמס בערנשטיין) פון „היאַס" און ד"ר מ. קריינין פון „עמיגדירעקט".

אַט צו דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע זיינען צוגעטראָטן אַלע עמיגראַציע-קאָמיטעטן פון דער גאַנצער וועלט. די עמיגראַציע טעטיקייט האָט דורכדעם באַקומען אַן אַנדער שוואונג, אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג און אויסגעגאָסן זיך אין אַנדערע פאָרמען.

די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאַ" צוזאַמען מיטן גאַנצן „יעאָס" אין פּוילן האָט דורך דער פאַראייניקונג באַקומען חיות, בלוטן, גרעסערע מעגלעכקייטן אויף דינען אַלזייטיק דעם יידישן עמיגראַנט.

די עמיגראַציע-אָפּטיילונג איז געשטאַנען און שטייט עד-היום אין א שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער אַלוועלטלעכער צענטראַלע פון „היקעם" אין פּאַריז, ווי אויך מיט אַלע עמיגראַציע-קאָמיטעטן אין דער גאַנצער וועלט. אויף דעם אופן איז מען שטענדיק געווען אינפאָרמירט וועגן מצב און איינוואַנדערונגס-תנאים אין אַלע וועלט-טיילן. אַדאַנק דעם איז אויך דערמעגלעכט געוואָרן דאָס אויפזוכן קרובים, שוין לאַנג פאַרפאַלענע און שטעלן זיי אין פאַרבינדונג מיט זייערע משפחות אין ווילנע און געגנט.

מיט דער הילף פון די קרובישע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס מעבר לים, איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס אַרויסקריגן איינרייזע-דערלויבענישן פאַר קרובים (און אָפטמאָל פאַר גאַנץ פרעמדע) אין א ריי לענדער.

די אַלגעמיינע שטרעבונג פון די אימיגראַציע-לענדער צו באַפרייען זיך פון שטאָטישן האַנדלס-עלעמענט האָט געצוואונגען דעם „היקעם" אָנהויבן א טעטיקייט אויפן געביט פון איבערשיכטן דעם יידישן עמיגראַנט. די ווילנער אָפּטיילונג האָט איר חלק אַריינגעטראָגן אין דעם, וואָס זי האָט מיטגעווירקט אין משך פון די לעצטע 3 יאָר (1927—1929), אַז גרעסערע גרופּעס יונגעלייט, קינפטיקע עמיגראַנטן, זאָלן באַקומען א לאַנדווירטשאַפטלעכע צוגרייטונג. א טייל פון די עמיגראַנטן האָבן זיך ביי גוטע באַדינגונגען איינגעאָרדנט אין דרום-פראַנקרייך ביי ערד-אַרבעט.

צו די אַלגעמיינע אויפטוען דאַרפן בלי-ספק אויך צוגערעכנט ווערן די שפּראַך-קורסן אויף לערנען די ענגלישע און שפּאַנישע שפּראַכן, אויף וועלכע ס'זיינען אין משך פון די לעצטע 3 יאָר אויסגעבילדעט געוואָרן איבער 200 שילער-עמיגראַנטן.

צום סוף ווילן מיר דערמאָנען די הלוואות אויף צו קויפן שיפס-קאַרטן. אַזוינע הלוואות האָבן די עמיגראַנטן באַ-

קומען אין באַדייטנדע סומען (אָפטמאָל ביז 46 דאָלאַר אויף אַ פּערזאָן) אויף איינצוקויפן שיפס־קאַרטן אויף פאַרשיידענע לענדער מעבר לים.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז בשעת דער עמיגראַנט האָט זיך געשטיקט פאַר יעדן זלאָט, האָט אויספאַרקויפט זיינע לעצטע בעבעכעס, כּדי צונויפשלאָגן זיך אויף הוצאות־הדרך, — האָבן אים די הלוואות געבראַכט אַ גרויסע פאַרלייכטערונג אין זיין וואַנדער־וועג.

דער דאָזיקער אויפטו דאַרף צוגעשריבן ווערן צום אַקטיוו פון „היקעס", אָן וועלכן עס וואָלט בכלל געווען אַן אוממעגלעכע זאַך.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך, איז די געמיינזאַמע אַרבעט מיט דער צענטראַלע פון „יעאַס" אין וואַרשע, בראש פון וועלכער עס שטייען די דירעקטאָרן פון דער געזעלשאַפט ה"ה יונה גרינפעלד און לעאָן אַלטער, ווי אויך די פאַרזיצערס פון דער עקזעקוטיווע פון דער געזעלשאַפט פריער ד"ר י. שיפּער און איצט אברהם פּאָדלישעווסקי. אָן דעם פעסטן צונויפבונד מיט דער צענטראַלע וואָלט בכלל געווען אוממעגלעך אַ פּלאַנמעסיקע עמיגראַציע־אַרבעט.

דער מלוכהשער עמיגראַציע־אַמט, וועלכער האַלט אין זיינע הענט אַלע פעדים, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן די גאַנצע עמיגראַציע־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג, — האָט זיין זיץ־אָרט אין וואַרשע. ניט זעלטן פלעגט דער עמיגראַציע־אַמט אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען, בהסכּם מיט דער עמיגראַציע־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל פון באַגרענעצן די עמיגראַציע פון פּוילן. דערביי פלעגט אויסקומען אין פיל פאַלן ווענדן זיך מיט אינטערווענצן, אויפקלערונגען, אויסווירקן הנחות און פאַרלייכטערונגען און אַזוי ווייטער. און אין דעם האָט פיל אויפגעטאָן די צענטראַלע פון „יעאַס" אין וואַרשע.

די ווילנער אָפּטיילונג האָט בכלל געהאַט אַ גאַנצע ריי אינטערווענצן און השתדלותן, ביי אַלע מלוכה־אָרגאַנען, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט עמיגראַציע־פראַגן.

די ווילנער עמיגראַציע־אָפּטיילונג איז זייער פּאָפּולער ביי דער יידישער באַפעלקערונג און האָט זיך קונה שם געווען זאָגאַר ביי דער ניט־יידישער. צווישן די 60—70 טעגלעכע באַזוכער איז שטענדיק צו באַמערקן אַ 3–4 קריסטלעכע עמיגראַנטן, וועלכע קומען זיך אָן עצה האַלטן, ווייל אַזוי האָבן זיי שכנים געראָטן.

חוץ דעם, וואָס די אָפּטיילונג פירט אויס אַלע אַרבעטן, וועלכע זיינען דירעקט פאַרבונדן מיטן עמיגראַנטס אָפּפאָרן, ווי אויספאַרטיקן דעם פּאַס, אָנשרייבן אַלע נויטיקע בקשות, ברענגען אין אָרדענונג אַלע דאָקומענטן, השתדלותן וכדומה, — ווילן סתם יידן, ווילנער און פּראָווינציעלע, זען אין איר ניט נאָר אַן עמיגראַציע־געזעלשאַפט, נאָר אַ צענטראַלע, וואו מען קען זיי אויסהעלפן אין פיל פון זייערע נויטן.

וועגן אַלץ ווענדעט מען זיך אין דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג. דאַרף אַ ייד אָפּנעמען אַ ירושה, אַרויסבאַקומען געלט פון קרובים, אויסגעפינען אַ מעטריקע אין אויסלאַנד, באַקומען בירגערשאַפט, אָנשרייבן בפתילה אַן אַדרעס, פעקלעך, אַרויסבאַקומען אַ גט, שיקן מצה קיין רוסלאַנד, אָדער סתם אַן עצה, — וועגן אַלץ קומט מען אין דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג, וואו מען האָט אויסגעהערט צו ווערן און אינפאָרמירט צו ווערן וועגן אַלץ.

עס וועט אויף דעם אופן ניט זיין קיין חידוש, וואָס מיט דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג איז פאַרבונדן אויסער ווילנע אויך די גאַנצע ווילנער פּראָווינץ און אַ טייל נאָוואָגרודקער, הגם די לעצטע איז ווייט פון ווילנע. אורטיילנדיק לויט די לעצטע ציפער פון מלוכה־עמיגראַציע־אַמט קען מען פעסטשטעלן, אַז מיט דער הילף פון דער ווילנער עמיגראַציע־אָפּטיילונג באַנוצן זיך ניט ווייניקער פון 80 פּראָצ. פון אַלע יידישע עמיגראַנטן פון דעם אויבנדערמאָנטן שטח. מיט די פּראָווינציעלע עמיגראַנטן געפינט זיך די עמיגראַציע־אָפּטיילונג אין אַ שריפטלעכן, גאַנץ ענגן קאָנטאַקט, וואָס עס איז צו זען פון דער טאַבעלע, וועלכע אילוסטרירט די צאָל אָפּגעשיקטע בריוו. זי איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די קרובים מעבר לים, געבנדיק זיי פאַרשיידענע אָנווייזונגען וועגן ענינים, וועלכע זיינען נוגע זייערע קרובים.

די באַציאונג פון די עמיגראַנטן צו דער ווילנער עמיגראַציע־אָפּטיילונג איז געווען זייער אַ וואַרימע און אַ האַרציקע, וואָס איז צו זען פון די פיל בריוו, געשיקט פון זיי, וועלכע געפינען זיך אין אַרכיוו פון „יעקאָפּאָ"—„יעאַס".

סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די עמיגראַנטן, וואָס זיינען באַדינט געוואָרן פון דער ווילנער אָפּטיילונג פון „יעאַס" ביי „יעקאָפּאָ" אין די יאָרן 1925—1929.

די אַלע טאַבעלן באַציען זיך צום פּעריאָד, וועלכער ווערט אויבן אָרומגערעדט, דהיינו צו די פאָלגנדע פיר מיט אַ האַלב יאָר: 1925, 1926, 1927, 1928 און די ערשטע 6 חדשים (יאַנואַר—יוני) פון יאָר 1929. די סטאַטיסטישע ציפער אין די יאָרן 1925—1926 האָבן זיך געפירט לויט דער אַלגעמיינער צאָל נפשות, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין עמיגרירן. דאַקעגן די איבעריקע 2½ יאָר, — לויט דער צאָל ווענדונגען, ד. ה. לויט דער צאָל משפחות (ראשי־המשפחות). מיר גיבן דאָ אויף דעם אופן די טאַבעלן בהסכּם מיט דער באַטרעפנדער פאַרטיילונג.

טאַבעלע נומ׳ 1.

אַלגעמיינע צאָל ווענדונגען.

1925		1926	
צאָל ווענדונגען	צאָל נפשות	צאָל ווענדונגען	צאָל נפשות
1357	2711	2745	5834

1925	1926	1927	1928	1929 —½	בסך־הכל
1357	2745	2718	2659	1729	11208

טאַבעלע נומ׳ II.

עלטער פון די עמיגראַנטן.

עלטער	1925 צאָל נפשות	1925 %	1926 צאָל נפשות	1926 %
ביז 14 יאָר	298	11	1472	25,3
„ 28 „	1247	46	1945	33,4
„ 45 „	813	30	1589	27,2
העכער . .	353	13	828	14,1
ס"ה . .	2711	100	5834	100

עלטער	1927 צאָל וועגדרונגען	1927 %	1928 צאָל וועגדרונגען	1928 %	6 חדשים 1929 צאָל וועגדרונגען	6 חדשים 1929 %
ביז 18 יאָר	247	9	282	11	98	6
„ 25 „	680	25	768	29	566	33
„ 40 „	915	34	997	38	778	44
„ 60 „	525	19	429	15	225	14
העכער . . .	351	13	183	7	62	3
ס"ה . .	2718	100	2659	100	1729	100

טאַבעלע נומ׳ III.

געשלעכט פון די עמיגראַנטן.

געשלעכט	1925 צאָל נפשות	1925 %	1926 צאָל נפשות	1926 %
מענער . .	1573	42	3274	55,6
פרויען . .	1138	58	2560	44,4
ס"ה . .	2711	100	5834	100

געשלעכט	1927 צאָל וועגדרונגען	1927 %	1928 צאָל וועגדרונגען	1928 %	6 חדשים 1929 צאָל וועגדרונגען	6 חדשים 1929 %
מענער . . .	1443	54	1710	64	1358	78
פרויען . . .	1275	46	949	36	371	22
ס"ה . .	2718	100	2659	100	1729	100

טאַבעלע נומ׳ IV.

פּראָפעסיעס פון די עמיגראַנטן.

פּראָפעסיעס	1925 צאָל נפשות	1925 %	1926 צאָל נפשות	1926 %
בעלי-מלאכות און אַרבעטער	976	36	1174	20,1
ערד-אַרבעטער .	554	21	108	1,8
הענדלער . . .	302	11	343	5,9
פרייע פּראָפעסיעס	138	5	426	7,3
אָן פּראָפעסיעס .	741	27	3783	64,9
ס"ה . .	2711	100	5834	100

פּראָפעסיעס	1927 צאָל וועגדרונגען	1927 %	1928 צאָל וועגדרונגען	1928 %	6 חדשים 1929 צאָל וועגדרונגען	6 חדשים 1929 %
בעלי-מלאכות, אַרבעטער	1220	45	1686	63	1068	62
הענדלער, אָנגעשטעלטע	379	14	331	12	189	11
ערד-אַרבעטער	114	4	159	6	204	12
פרייע פּראָפעס.	109	4	69	3	32	2
אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס	896	33	414	16	236	13
ס"ה . .	2718	100	2659	100	1729	100

טאַבעלע נומ׳ V.

אימיגראַציע־לענדער

(וועגן וועלכע די עמיגראַנטן האָבן זיך געווענדעט נאָך אינפאָרמאַציעס).

№	לאַנד	1925	1926	1927	1928	6 חדשים 1929	בסך־הכל
		צאָל נפשות	צאָל ווענדונגען	צאָל ווענדונגען	צאָל ווענדונגען	צאָל ווענדונגען	
1	רוסלאַנד	284	1436	907	331	44	2718
2	פאַראייניקטע שטאַטן	680	431	563	567	232	1793
3	אַרגענטינע	659	110	77	476	288	1051
4	בראַזיליע	188	40	50	216	423	729
5	דרום־אַפריקע	93	86	125	225	219	655
6	קאַנאַדע	137	191	161	126	126	604
7	פראַנקרייך	164	90	91	130	98	409
8	אוראַגוויי	11	41	38	111	76	266
9	מעקסיקע	77	26	56	69	37	188
10	קובע	41	14	39	72	63	188
11	לעטלאַנד	6	51	56	51	19	177
12	ענגלאַנד	22	16	34	29	17	96
13	ארץ־ישראל	98	38	12	17	15	82
14	דייטשלאַנד	—	13	28	33	2	76
15	טשילי	8	18	17	25	2	62
16	בעלגיע	6	13	16	9	12	50
17	אויסטראַליע	21	13	5	11	12	41
18	ליטע	—	2	13	14	1	30
19	כינע	1	5	7	10	4	26
20	האָנדוראַס *)	—	—	—	29	—	29
21	עסטלאַנד	1	8	6	7	1	22
22	קאָלומביע	—	2	3	5	10	20
23	רומעניע	1	4	4	6	3	17
24	דאַנציג	—	1	—	7	—	8
25	פערו	43	5	—	2	1	8
26	שוועדן	—	2	—	3	3	8
27	שווייץ	2	4	2	2	—	8
28	פּאָרטוגאַל	4	—	4	3	—	7
29	עסטרייך	—	—	3	2	1	6
30	איטאַליע	2	—	4	1	—	5
31	פינלאַנד	—	—	3	2	—	5
32	טשעכאָסלאָוואַקיע	—	—	3	—	—	3
33	האַוואַישע אינזלען	—	2	—	—	—	2
34	דענעמאַרק	—	—	—	2	—	2
35	גוואַטעמאַלע	—	—	—	2	—	2
36	טערקיי	—	—	—	2	—	2
37	אַלזשיר	—	—	—	2	—	2
38	פּאַראַגוויי	3	1	—	—	—	1
39	אונגאַרן	—	1	—	—	—	1
40	קאָנגאָ (אַפריקע)	—	1	—	—	—	1
41	נאָרוועגיע	—	1	—	—	—	1
42	האָלאַנד	—	—	1	—	—	1
43	אירלאַנד	—	—	—	1	—	1
44	טוניס	—	—	—	1	—	1
45	ניו־פאַנלענד	—	—	—	1	—	1
46	בולגאַריע	—	—	—	—	1	1
47	אומבאַשטימטע לענדער	124	79	290	57	19	445
48	שפּאַניע	35	—	—	—	—	—
	ס״ה	2711	2745	2718	2659	1729	9851

*) דאָס לאַנד האָנדוראַס האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקן אינטערעס ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס רוב זיינען געקומען אין ביוראָ צאָלרייכע דעלעגאַציעס פון דער פּרוביקער פּראָווינץ. כ׳האָט זיך אויך געפירט אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ. די אַלע פאַלן זיינען ניט רעגיסטרירט געוואָרן. פאַררעגיסטרירט זיינען געוואָרן נאָר די פּערזענלעכע אינדיווידועלע ווענדונגען.

טאַבעלע נומ׳ VI.

צאָל אויסגעאַרבעטע פּעסער און אָפּגעפאָרענע עמיגראַנטן.

№	לאַנד	1925	1926	1927	1928	6 חדשים 1929	בסך־הכל
1	פאַראייניקטע שטאַטן	גענוי וואוהין אָפּגעפאָרן אין דעם יאָר איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן, ווייל אין יאָר 1925 האָט זיך נים געפירט אַזאַ סטאַטיסטיק.	75	184	105	75	439
2	דרום־אַפריקע		48	85	123	115	371
3	בראַזיליע		4	4	91	221	320
4	אַרגענטינע		19	34	175	40	268
5	רוסלאַנד		77	117	49	20	263
6	קאַנאַדע		38	33	34	25	130
7	פראַנקרייך		21	36	21	18	96
8	לעטלאַנד		16	45	19	2	82
9	מעקסיקע		30	15	17	16	78
10	אוראַגוויי		9	5	32	28	74
11	קובע		5	8	10	9	32
12	ענגלאַנד		5	13	6	2	26
13	בעלגיע		3	8	—	6	17
14	עסטלאַנד		12	4	1	—	17
15	קאָלומביע		4	1	1	10	16
16	טשילי		—	1	9	4	14
17	אויסטראַליע		9	—	4	—	13
18	דייטשלאַנד		—	5	5	—	10
19	כינע		2	1	3	2	8
20	רומעניע		—	1	2	3	6
21	פּאָרטוגאַל		—	1	4	—	5
22	איטאַליע		1	1	—	—	2
23	פינלאַנד		—	—	2	—	2
24	קאָנגאָ (אַפריקע)		1	1	—	—	2
25	ניו־פאַנלענד		—	—	1	—	1
26	גוואַטעמאַלע		—	—	1	—	1
	ס"ה. . . .	83	379	603	715	596	2293

טאַבעלע נומ׳ VII.

צאָל באַקומענע בריוו.

№	פון וואַנען באַקומען	1925	1926	1927	1928	6 חדשים 1929	בסך־הכל
1	„יעאַס" — וואַרשע און פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען	343	730	1239	1697	1184	5193
2	„היאַס" — ניו־יאָרק און אָפּטיילונגען אין דער גאָרער וועלט	94	88	84	61	50	377
3	„עמיגדירעקט" — בערלין און אָפּטיילונגען אין אייראָפּע	30	103	30	24	34	221
4	קאָנסולאַטן און רעגירונגס־אַנשטאַלטן	—	17	20	46	27	110
5	שיפס־געזעלשאַפטן	—	34	160	43	21	258
6	פאַרשיידענע עמיגראַציע געז. און געז. אַנשטאַלטן אין פּוילן . . .	34	72	87	82	33	308
7	פאַרשיידענע עמיגראַציע געז. און געז. אַנשטאַלטן אין דער גאָרער וועלט	23	67	63	114	59	326
8	פּריוואַטע פּערזאָנען אין פּוילן	102	447	907	1629	1422	4507
9	פּריוואַטע פּערזאָנען אין אויסלאַנד	—	18	47	66	38	169
10	אַלוועלטלעכע עמיגראַציע־פאַר. „היקעם"	—	—	51	81	10	142
	ס"ה. . .	626	1576	2688	3843	2878	11611
	דעפעשן	—	15	45	63	36	159

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

טאַבעלע נומ' VIII.

צאָל אָפּגעשיקטע בריוו.

№	וואוהין געשיקט	1925	1926	1927	1928	6 חדשים 1929	בסך-הכל
1	„יעאַס" — וואַרשע און פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען	395	943	1884	2636	1585	7443
2	„היאַס" — ניו-יאָרק און אָפּטיילונגען אין דער גאַרער וועלט	150	104	83	58	66	466
3	„עמיגדירעקט" — בערלין און אָפּטיילונגען אין אייראָפּע	30	95	29	25	37	216
4	קאָנסולאַטן און רעגירונגס-אַנשטאַלטן	—	38	47	109	52	246
5	שיפס-געזעלשאַפטן	—	62	146	106	101	415
6	פאַרשיידענע עמיגראַציע-געז. און געז. אַנשטאַלטן אין פּוילן	74	84	80	230	52	520
7	פאַרשיידענע עמיגראַציע-געז. און געז. אַנשטאַלטן אין דער גאַרער וועלט	28	49	80	114	74	345
8	פּריוואַטע פּערזאָנען אין פּוילן	214	585	1238	2103	1564	5704
9	פּריוואַטע פּערזאָנען אין אויסלאַנד	—	20	56	101	43	220
10	אַלוועלטלעכע עמיגראַציע-פאַראייניקונג „היקעם"	—	—	69	110	12	191
	ס"ה	891	1985	3712	5592	3586	15766
11	דעפּעשן	—	37	63	74	24	198
12	מעלדונגען	—	531	791	1066	386	2774
13	צירקולאַרן (עקזעמפּלאַרן)	—	83	81	89	68	321
	ס"ה	891	2636	4647	6821	4064	19059

טאַבעלע נומ' IX.

צאָל טעגלעכע באַזוכונגען.

1925	יא חדשים 1926	1927	1928	6 חדשים 1929	בסך-הכל
איז סטאַטיסטיק ניט געפירט בכלל	אין יאַנואַר איז סטאַ- טיסטיק ניט געפירט 7314	15495	13098	7670	43577

טאַבעלע נומ' X.

אייניקע ידיעות פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָר 1929.

ענין	יולי—דעצעמבער 1929	ס"ה מיט די ערשטע 6 חדשים 1929	צאָל אַרויסגעפאָרענע אין די וויכטיקסטע עמיגראַציע-לענדער פאַרן גאַנצן יאָר 1929
1. צאָל טעגלעכע באַזוכן	6806	14476	בראַזיליע 363
2. צאָל אויסגעאַרבעטע פּעסער	611	1207	אַפריקע 298
3. צאָל באַקומענע בריוו	2864	5742	אַרגענטינע 147
4. צאָל אָפּגעשיקטע בריוו	3624	7210	פאַראייניקטע שטאַטן 133
5. צאָל באַקומענע און אָפּגעשיקטע טעלעגראַמעס, צירקולאַרן און מעלדונגען	307	821	קאַנאַדע 56 אורוגוויי 40

◆ ◆ ◆

ס. שאַליס

גמילות-חסדים-קאַסעס

1. קרעדיט-הילף און קאָאָפּעראַציע. שוין אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" איז די פראַגע אוועקגעשטעלט געוואָרן אין איר גאַנצער ברייט. אויף דער דריטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ, דעם 9 סעפטעמבער 1919, האָט דער רעפערענט פון „יעקאָפּאָ" ה׳ ב. כהן געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן פּראָדוקטיווע הילף און קאָאָפּעראַציע און צווישן אַנדערע ענינים האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט פון אַ צענטראַלער יידישער קרעדיט-אינסטיטוציע. אין דער רעזאָלוציע, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען וועגן די פאַרשלאָגן פון דעם דאָזיקן רעפעראַט, ווערט, צווישן אַנדערעס, פעסטגעשטעלט, אַז מען דאַרף „צוטרעטן אויפצוריכטן אויף די ערטער די געוועזענע קרעדיט-אַנשטאַלטן און בויען נייע מיט אַ צענטראַלן קרעדיט-אַנשטאַלט בראש".

די רעזאָלוציע איז פולשטענדיק פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן.

אין דעם מעמאָראַנדום, וואָס „יעקאַפּאַ" האָט דערלאַנגט דער מיטל-ליטווישער רעגירונג אין ווילנע דעם 23 פעברואַר 1921, ווערט קאָנסטאַטירט, אַז אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1920 האָט „יעקאָפּאָ" שוין געהאַט אָרגאַניזירט אין ווילנער געגנט 85 יידישע געזעלשאַפטלעכע קרעדיט-אינסטיטוציעס. אין זעלבן יאָר איז „יעקאָפּאָ" צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די יידישע צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבאַנק, וועלכע האָט זיך געעפנט אין יולי 1921.

אין יאָר 1921 זיינען פון „יעקאָפּאָ" אויך צונויפגערופן געוואָרן צוויי קאָנפערענצן פון ליי- און שפּאָר-קאַסעס און ס׳זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אַ ריי אַנדערע פּרובן אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט, וועגן וועלכע מיר וועלן ריידן גענויער ווייטער אין דעם אַרטיקל „פאַרשיידענע מינים הילף". דאָ האָבן מיר נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז שוין אין די ערשטע יאָרן טעטיקייט פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע זיינען ניט נאָר ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגן פון קרעדיט-הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר ס׳זיינען אויך געשאַפן געוואָרן די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אויף די דאָזיקע פראַגן געגעבן אַ פּראַקטישן ממשותדיקן ענטפער.

אין יענע צייטן, 1919—1922, ווען די מלחמה האָט זיך נאָך אין ווילנער געגנט ניט פאַרענדיקט און ס׳האָבן זיך עטלעכע מאָל געביטן די מאַכטן, האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ **נאָרמאַלער** טעטיקייט אויפן געביט פון קרעדיט-קאָאָפּעראַציע. ס׳איז געווען אַ פּראָדוקטיווע שנעלע הילף געבויט אויף קרעדיט-יסודות און ניט אומעטום אַן איינהייטלעכע. אין די פונקטן, וואו פאַר דער מלחמה האָבן עקסיסטירט ליי- און שפּאָר-קאַסעס און וואו ס׳האָבן זיך געפונען די צוגעגרייטע צו אַזאַ אַרבעט געזעלשאַפטלעכע טוער, פלעגט „יעקאָפּאָ" עפענען אמתע קרעדיט-קאָאָפּעראַסיון, וואָס פלעגן פירן אַ קרעדיט-אַרבעט און אַרויסגעבן הלוואות אויף פּראָצענטן. דאָרט, אָבער, וואו קיין שום קאָאָפּעראַטיווע פּראַקטיק איז ניט געווען, האָט „יעקאַפּאָ" געגרינדעט ביי די אָרטיקע קהלות אָדער הילפס-קאָמיטעטן, אין די שטעטלעך, אַ גאַנצע ריי **גמילות-חסדים-קאַסעס**, וועלכע פלעגן אַרויסגעבן הלוואות אויף לענגערע טערמינען און אָן קיינע שום פּראָצענטן.

די מלחמה-געשעענישן און די דעוואַלוואַציע פון דער וואַלוטע האָבן אָבער סוף כל סוף חרוב געמאַכט הן די קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון והן די גמילות-חסדים-קאַסעס. די קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיי אונטערגעבראָכן און די גמילות-חסדים-קאַסעס האָבן זיי אינגאַנצן צונישט געמאַכט. און ערשט אָנהייבנדיק פון יאָר 1925 מיט דער סטאַביליזאַציע פון דער וואַלוטע ווערט אויפגעריכט און צוריק אויפגעבויט שוין אַ נאָרמאַלע, זעלבסטשטענדיקע און אַ גוט-פונקציאָנירנדיקע קרעדיט-קאָאָפּעראַציע און פון יאָר 1926—1927 — אַ נעץ פון גמילות-חסדים-קאַסעס אויף מאָדערנע יסודות.

2. די פאָראַרבעט אין יאָר 1926. דעם 6 מערץ 1926 האָט „יעקאַפּאָ" דערלאַנגט דעם „דזשוינט", וועלכער האָט דאַן ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף דעם אַלגעמיינעם הילפס-געביט, אַ פּראָיעקט וועגן אַן עווענטועלער הילפס-אַקציע און וועגן די יסודות, אויף וועלכע די דאָזיקע אַקציע דאַרף זיין געבויט.

צווישן די 6 פונקטן פון מעמאָראַנדום, ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דער פונקט וועגן אַ ביליקן לאַנגטערמיניקן קרעדיט.

„דער ביליקער לאַנגטערמיניקער קרעדיט, ווערט געזאָגט אין מעמאָראַנדום, דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס דער וויכטיקסטער מיטל צו העלפן אין דעם איצטיקן קריזיס דעם קליינעם געפאַלענעם מענטשן, האַנטווערקער און דערהויפּט הענדלער, וואָס בילדן די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער קרעדיט דאַרף להיפוך צו דעם נאָרמאַלן קרעדיט פון די קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבענק געגעבן ווערן אין אַ פאָרם פון קליינפּראָצענטיקע הלוואות אויף אַ לאַנגן טערמין (ביז 1 יאָר צייט) די אַלע נויטבאַדערפטיקע עלעמענטן, וואָס קענען אין די פאָלקסבענק קיין הלוואות ניט באַקומען אָדער, ריכטיקער, ניט נעמען. דאָס זיינען די שוואַכסטע עלעמענטן, וועלכע מען מוז אָבער גראָד איצט קומען צו הילף".

דאָס איז געווען דער **ערשטער** קלאָר-פאָרמולירטער געדאַנק וועגן דער נויטיקייט צו גרינדן גמילות-חסדים-קאַסעס אויף נייע יסודות, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דעם מאָדערנעם עקאָנאָמישן לעבן און צו די ספּעציפישע נויטן פון די ווירטשאַפטלעך-שוואַכסטע עלעמענטן פון דער פאַראָרעמטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז אַזוי ביטער און שאַרף געטראָפן געוואָרן פון שרעקלעכן קריזיס אין יאָר 1925 — 1926, וועלכער האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ לאַנגע צייט און איז געוואָרן אַ דויערנדיקע ערשיינונג.

3. אַנקעטע וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע. קודם כל האָט „יעקאָפּאָ" דורכגעפירט אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג אויף די ערטער. חוץ פערזענלעכע באַזוכן דורך באַפולמעכטיקטע און פאַרטרעטער אין איינציקע וויכטיקערע פונקטן, האָט דער געגנט-קאָמיטעט אין פעברואַר און מערץ 1926 אויך דורכגעפירט אַ גענוי-באַאַרבעטע אַנקעטע אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון זיין טעטיקייטס-ראַיאָן.

91 פונקטן האָבן זיך אָפּגערופן און האָבן צוגעשיקט דעטאַליזירטע ענטפערס אויף די 30 פראַגן (11 גרופּעס) פון דער אַנקעטע. די אַנקעטעס (וואָס זיינען באַקומען געוואָרן אין משך פון חודש פעברואַר) האָט „יעקאָפּאָ" צוגעשטעלט צום פאַרטרעטער פון „דזשוינט" אין פּוילן ה׳ י. גיטערמאַן צוזאַמען מיטן דערמאָנטן מעמאָראַנדום און פּראָיעקט פון 6 מערץ 1926.

אָט דער מאַטעריאַל, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון דער דאָזיקער אַנקעטע וועגן דער עקאָ-

נאָכישער לאַגע אין ווילנער געגנט און איז געווען בכלל דער ערשטער פון דעם מין, האָט געגעבן געוויסע ריכטליניעס פאַר דער גאנצער ווייטערדיקער הילפס·אקציע און ספעציעל פאַר דער גרינדונג פון די גמילות·חסדים·קאָסעס.

4. די גרינדונג פון די גמ״ח׳ן. „יעקאָפאָ“ איז גלייך צוגעטראָטן צו גרינדן אַזוינע גמילות · חסדים · קאָסעס. דערביי איז איינגעפירט געוואָרן דער מאָדוס נים אפילו פון קליינפראָצענטיקע הלוואות, נאָר פון אינגאַנצן אָנפראָצענטיקע אויסצוצאָלן אין קליינע ראַטעס.

און שוין איינמאָל געגרינדעט, האָבן זיך די גמילות חסדים·קאָסעס פאַרוואַנדלט אין שטענדיקע קרעדיט · אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געוואָרן אומגעהויער·פאָפּילער אין די אַלע פאַרוואָרלאָזטע און אויסגעמאַטערטע פראָווינציעלע שטעטלעך אַדאַנק די זייער נוצלעכע און במשותדיקע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס, וועלכע זיי האָבן מיט ערפאָלג אָנגעהויבן וואָס ווייטער אַלץ מער צו ערפילן און וועלכע קיינער ביז זיי האָט ניט ערפילט.

די שטעטל כווענציאַן אין ווילנער געגנט איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט (אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון הרב פּאָלאָנסקי) אַ סטאַטוט און געגרינדעט ביי זיך אַ גמילות·חסדים·קאַסע, וועלכע איז גלייך געקומען אין אַ קאָנטאַקט מיט „יעקאַפּאַ“. אין משך פון זייער אַ קורצער צייט האָט „יעקאַפּאַ“ געגרינדעט אַ ריי גמילות·חסדים·קאַסעס אין פאַרשיידענע פונקטן פון ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע און די אַרבעט איז אַוועק אומגעהויער אינטענסיוו.

דעם 5 יולי 1926 האָט „יעקאָפאָ“ שוין צוגעשטעלט דעם „דזשוינט“ אַ טעטיקייטס·באַריכט פאַר אַפּריל—יוני 1926, אין וועלכן ס׳ווערט, צווישן אַנדערעס, געזאָגט:

„אין אונזער פּראָיעקט וועגן דער הילפס · אַקציע און מעמאָראַנדום פון 6 מערץ ה. י. האָבן מיר אָנגעוויזן און אַנטוויקלט דעם פּלאַן פון דער אַלגעמיינער הילפס·טעטיקייט לויט 8 ריכטליניעס. פאַר די 3 אָנגעוויזענע חדשים האָבן מיר אונזער אַלגעמיינע הילפס·טעטיקייט געפירט אין די גרעניצן פון די דערמאָנטע ריכט·ליניעס, אויף וויפיל דאָס האָבן אונז דערלויבט די מיטלען, וואָס דער ד. ד. ק. האָט אונז אַסיגנירט צוזאַמען מיט די מיטלען, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן אויף די ערטער. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָבן מיר געלייגט אויף דעם פונקט פון לאַנגטערמיניקן קרעדיט, וואָס טראָגט פאַרקירצט דעם נאָמען „גמילות·חסד“, הגם זיינע איצטיקע פאָרמען זיינען אַנדערע, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. דער דאָזיקער קרעדיט איז אינגאַנצן אָן אָנפּראָצענטיקער זלאָטע קרעדיט אויף לענגערע טערמינען אויסצוצאָלן אין קליינע ראַטעס. מיר האָבן צו דעם צוועק אויסגעאַרבעט אַ געהעריקן סטאַטוט, אָפּגעדרוקט די נויטיקע ביכער, אויסגעאַרבעט די דעקלאַראַציעס, אינסטרוקציעס און אַנדערע אָנווייזונגען. די אַרבעט איז אַוועק אומגעהויער שנעל. מיר האָבן איר געפירט ווי מעגלעך אינטענסיוו, — און דאָך פאָרזיכטיק, — כדי צו באַפרידיקן די גרויסע נויט אויף דעם בעסערן פּראָדוקטיווערן אופן פאַר דעם געליטענעם דורכן קריזיס האַנטווערקער, קליינהענדלער און אַנדערע עלעמענטן. מיר האָבן אומעטום אויסגעפאָרשט, ווי ווייט מעגלעך, די לאַגע און ספּעציעל אין די פונקטן, וואו עס עקסיסטירן פאָלקסבענק. מיר האָבן געשטרעבט צו באַפרידיקן די נויט קודם כל פון די שוואַכערע און אָרעמערע עלעמענטן און געזוכט דעם וועג ווי צוצוקומען צו זיי מיט דעם גרעסטן נוצן פאַר דער זאַך. דורך די גמילות·חסדים·קאַסעס ווערן, אַלזאָ, באַדינט גרעסטנטיילס די עלעמענטן, וועלכע קענען ניט באַקומען אין די פאָלקסבענק קיין הלוואות, — צוליב זייער ניט גענוגנדיקער קרעדיט·פעאיקייט, — אָדער קענען דאָרט ניט נעמען קיין הלוואות צוליב די פאַי·געלטער, פּראָצענטן און באַוואַרעניכן, מיט וועלכע די הלוואות אין די בענק זיינען פאַרבונדן. מיר קענען מיט צופרידנקייט קאָנסטאַטירן, אַז די הילף דורך די גמילות חסדים, אָרגאַניזירט אויפן מאָדערנעם אופן, האָט געבראַכט די בעסטע רעזולטאַטן און האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר איינע פון די פּאַסנדסטע פּראָדוקטיווע פאָרמען פון שטיצע, וואָס דערנידעריקט ניט און דעמאָראַליזירט ניט דעם מקבל און האָט אין זיך מאָמענטן פון אַ געזונטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. פאַר די 3 חדשים זיינען מיט אונזער הילף געגרינדעט, אינסטרואירט און סובסידירט געוואָרן 19 גמילות חסדים·קאַסעס און 17 גמילות·חסדים·קאַסעס האַלטן אין געגרינדעט ווערן, בסך · הכל אין 36 פונקטן. די סובסידיעס פאַר די גמ״ח׳ן ווערן אַרויסגעגעבן ראַטעסווייז צו 500, 1000, 1500, 2000 און 3000 זלאָטעס, אָפּהענגיק פון דער גרויס און נויט פון דער שטעטל, צאָל מיטגלידער, אייגענע קאַפּיטאַלן און פירונג פון גמ״ח“.

5. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די גמ״ח׳ן. צום סוף יאָר 1926 האָט שוין „יעקאָפאָ“ געהאַט 51 גמילות·חסדים·קאַסעס אין 51 פונקטן. די מיטלען פון די גמ״ח׳ן האָבן באַטראָפן: קרעדיט פון „יעקאָפאָ“ (ד. ד. ק.) 137.000 זלאָטעס; אייגענע מיטלען — 48.133 זל.; אָנפּראָצענטיקע פקדונות — 20.111 זלאָטעס; אומגעקערטע הלוואות — 335.743 זלאָטעס, בסך·הכל 541.487 זלאָטעס. אַרויסגעגעבענע הלוואות 500.100 זל.; אויסגעצאָלט פקדונות — 12.445 זל.; אַדמיניסטראַטיווע און אַנדערע הוצאות 5431 זל. בסך·הכל 517.978 זלאָטעס.

אין יאָר 1927 האָט „יעקאָפאָ“ געהאַט 67 גמילות חסדים קאַסעס אין 67 פונקטן. די מיטלען האָבן פאַר דעם יאָר באַטראָפן: נייער קרעדיט פון „יעקאַפאַ“ (ד. ד. ק.) פאַר דעם יאָר 51.800 זל.; אייגענע מיטלען 89.142 זל.; אָנפּראָצענטיקע פקדונות 71.372 זל.; אומגעקערטע הלוואות 1.509.735 זל., בסך·הכל 1.745.557 זלאָטעס. אַרויסגעגעבענע הלוואות 1.643.906 זל.; אויסגעצאָלט פקדונות 58.180 זל.: אַדמיניסטראַטיווע און אַנדערע הוצאות 16.499 זל., בסך·הכל 1.718.585 זלאָטעס.

אין יאָר 1928 האָט „יעקאָפאַ“ געהאַט אין 71 פונקטן, 71 גמילות·חסדים·קאַסעס. די מיטלען פון וועלכע פאַר דעם יאָר האָבן באַטראָפן: קרעדיט פון „יעקאַפאַ“ 3.700 זל.: אייגענע מיטלען — 92.533 זל.: אָנפּראָצענטיקע פקדונות — 86.108 זל.: אומגעק. הלוואות 1.787.521 זל., בסך·הכל 1.996.835 זלאָטעס. אַרויסגעגעבענע הלוואות 1.874.241 זל.; אויסגעצאָלטע פקדונות 73.325 זל.; אומגעקערט דעם ד. ד. ק. 13.774 זל.; אינווענטאַר 1.643 זל.: אַדמיניסטראַטיווע און אַנדערע הוצאות 23.589 זל., בסך·הכל 1.986.572 זלאָטעס.

אין יאָר 1929 האָבן זיך די גמילות·חסדים·קאַסעס פון „יעקאָפאָ“, וועלכע האָבן דערגרייכט די צאָל פון 74, אַנסגילטיק פאַרפעסטיקט אין זייער פונקציאָנירונג. זיי זיינען שוין געווען אַלע לעגאַליזירט און דער ווייט·גרעסטער טייל פון זיי האָבן געפירט אַ גוטע בוכהאַלטעריע און פלעגן צושיקן אין „יעקאָפאַ“ פּינקטלעך יעדן חודש מאָנאַטלעכע באַריכטן. די עצם טעטיקייט האָט זיך אַנטוויקלט, די הלוואות פלעגן אומגעקערט ווערן צו דער צייט, די אייגענע מיטלען זיינען געוואַקסן. אין פאַרגלייך מיט דער ביטערער נויט זיינען אָבער די געלט·מיטלען פון די גמ״ח׳ן געווען צו קליין און גרויסע רייען נויטבאַדערפטיקע פלעגן מוזן וואַרטן אויף אַ הלוואה

פון וואך צו וואך. א גאנצע ריי גמילות-חסדים-קאסעס האבן זיך אויסגעבילדעט אין אויסגעצייכנטע קרעדיט-אינסטיטוציעס, וואס זייער טעטיקייט קען דינען פאר א מוסטער אין אלע הינזיכטן.

די צאל מיטגלידער פון די גמילות-חסדים-קאסעס פון „יעקאפא" האט אין יאר 1929 באטראפן איבער 13.200.

גענויערע ציפער און דאטן וועגן דער טעטיקייט פון די „יעקאפא"-גמ"ח'ן אין אלגעמיינעם און אין יעדן פונקט באזונדער פאר די גאנצע צייט פון זייער טעטיקייט, ד. ה. פאר די יארן 1926—1929, ווי אויך וועגן דער פראפעסיאנעלער צוזאמענשטעלונג פון די מיטגלידער פון די גמ"ח'ן, ווערן געבראכט ווייטער.

חוץ אין ווילנער געגנט און אין גאליציע, האט זיך אויך אין גאנץ פוילן די אקציע פון די גמ"ח'ן שטארק פארשפרייט. צום 1 יאנואר 1930 האבן זיך אין קאנגרעס פוילן און אויף די קרעסן געפונען 333 גמילות-חסדים-קאסעס אין גאליציע — 177 (פון זיי 112 אין מזרח-גאליציע און 65 אין מערב-גאליציע). צוזאמען מיט די 74 גמ"ח'ן פון „יעקאפא" האט, אלזא, די אלגעמיינע צאל גמילות-חסדים-קאסעס אין גאנץ פוילן באטראפן צו דער אנגערופענער דאטע—584.

דער גרונט-קאפיטאל (אייגענער קאפיטאל) פון די גמ"ח'ן האט צום 1 יולי 1929 באטראפן 2.331.873 זל. די קרעדיטן פון ד. ד. ק. פאר די גמ"ח'ן האבן צו דערזעלבער דאטע באטראפן — 4.046.234 זלאטעס. בלויז די געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע פון דער באוועגונג וואָרט נאך דארט דערווייל (חוץ אין די אנגערופענע געגנטן) אויף איר כאראנטפערונג.

6. די יסודות פון דער ארבעט אין די גמ"ח'ן.

קודם כל דארף מען פעסטשטעלן דעם כלל, אז „יעקאפא", ווי דער „דזשוינט", האט געגרינדעט און געשטיצט נאר צו 1 גמילות-חסדים-קאסע אין 1 פונקט. דעריבער פאלן תמיד צונויף די צאל גמילות-חסדים-קאסעס מיט דער צאל פונקטן אדער שטעט און שטעטלעך. די גמילות-חסדים-קאסע (אדער הילפס-קאמיטעט)

פון דער שטאט ווילנע גייט ניט אריין אין דער צאל פון די 74 גמ"ח'ן פון „יעקאפא".

אלס תנאי איז יעדער קאסע געשטעלט געווארן, אז זי זאל זיך לעגאליזירן און איינפירן די געהעריקע בוכהאלטעריע. צו דעם צוועק האט „יעקאפא" אויסגעארבעט די באטרעפנדע סטאטוטן און אלע איבעריקע פארמולארן און אינסטרוקציעס, וואס זיינען נויטיק צו דער לעגאליזאציע און פירונג פון דעם גמ"ח. א ספעציעלע טאכמאנישע קאמיסיע פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" האט אויסגעארבעט איינהייטלעכע בוכ-



פנקס
של
חברה
גמילות חסדים
והכנסת אורחים
דפ״ק זעטיל

שער-בלאט פון אלטן פנקס פון דער חברה גמילות-חסדים און הכנסת אורחים אין זעטל פון יאר תד"ר (1844).

האלטערישע ביכער (לויט דער אמעריקאנער סיסטעם), האט די ביכער אפגעדרוקט און האט זיי איינגעפירט אין אלע גמ"ח'ן פון דין טעטיקייטס-ראיאן. גלייכצייטיק האט „יעקאפא" אויך ארויסגעגעבן אן אינסטרוקציע ווי צו פירן די ביכער און ווי זיי אפצושליסן צום סוף יאר. ס'זיינען איינגעפירט געווארן אויך אלע איבעריקע דרוקזאכן, ווי באריכטן, דעקלאראציעס, באלאנסן, בודזשעטן, ווי אויך פארמולארן, וואס זיינען נויטיק אויף צוצושטעלן צו דער מאכט יעדן

בודזשעט-יאר אלס באריכטן בהסכם מיט די פארארדענונגען פון געזעץ.

אין „יעקאפא" פלעגט יעדער גמ"ח מוזן צושטעלן יעדן חודש א מאנאטלעכן פינאנסיעלן און סטאטיסטישן באריכט, וואס איז גענוי קאנטראלירט געווארן פון דער „יעקאפא"-בוכהאלטעריע און וועגן יעדן פעלער פלעגט געפירט ווערן די געהעריקע קארעספאנדענץ און אויפקלערונג.

אין יאר 1928—1929 האט דער געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" אויך דורכגעפירט דורך א ספעציעלן באפולמעכטיקטן גענויע רעוויזיעס אויף די ערטער אין אלע, אן אויסנאם, גמילות-חסדים-קאסעס און וועגן יעדן איינצלנעם גמ"ח איז צוגעשטעלט געווארן אין קאמיטעט א דעטאליזירטער שריפטלעכער רעוויזיע-באריכט, א פולע קאפיע פון וועלכן מיט דעם באטרעפנדן בריוו פון „יעקאפא" פלעגט גלייך אפגעשיקט ווערן צום גמ"ח מיטן צוועק צו פאררירכטן די פעלערן און אויסבעסערן די פירונג פון גמ"ח. וואו ס'איז געווען נויטיק זיינען אויך דורכגעפירט געווארן הוספה-רעוויזיעס מיטן ציל פעסטצושטעלן צו די אנגעמערקטע אויסבעסערונגען זיינען טאקע דורכגעפירט געווארן אין לעבן. אויפן יאר 1930 זיינען אנגעמערקט א ריי ווייטערדיקע באזוכן אין די גמ"ח'ן.

אומעטום האט „יעקאפא" געפאדערט, אז די גמ"ח'ן זאלן שאפן אייגענע מיטלען. לויטן סטאטוט דארף יעדער מיטגליד פון גמ"ח איינצאלן לטובת דער אינסטיטוציע 6 זלאטעס א יאר אדער 50 גראשן א חודש. אלץ איינס צי ער באקומט א הלואה אין גמ"ח צי ניט. די ארעמערע פלעגט דער גמ"ח באפרייען פון מיטגלידס-אפצאל. פארקערט, א גאנצע ריי מיטגלידער פלעגן צאלן דעם מיטגלידס-אפצאל, ניט באנוצנדיק זיך מיטן גמ"ח. דער מיטגלידס-אפצאל פלעגט קענען איינגעצאלט ווערן ראטעסווייז, אפילו צו 10 גראשן א וואך, אלס א וואכער. ווייטער פירן דורך די גמ"ח'ן מיטן ציל צו פארגרעסערן זייערע הכנסות פארשיידענע זאמלונגען ביי אלערליי געלעגנהייטן אין שטעטל, ארגאנידירן אונטערנעמונגען, באקומען נדבות, לעגאטן, ירושות, אונטערשטי-

צונגען, סובסידיעס, פירן אײן פּנקסים, גאָלדענע ביכער מיט גרעסערע נדבות א. אַז. וו.

די הלואות גיבן די גמ"ח'ן אַרויס אינגאַנצן אָן פּראָצענט און אָן וועלכע ניט איז אַנדערע אָפּצאָלן אין וועלכער פאָרם זיי זאָלן ניט זיין. די הלואות ווערן אַרויסגעגעבן אין זלאָטעס אויסצוצאָלן אין זלאָטעס אויף אַ טערמין ביז 6 חדשים אין וועכנטלעכע אָדער מאָנאַטלעכע ראַטעס. די גרויס פון אַ הלואה איז פון 20 ביז 200 זלאָטעס, דורכשניטלעך באַטרעפט אַ הלואה 75 זלאָטעס. די הלואות ווערן אַרויסגעגעבן אויף וועקסלען מיט זשירעס.

די אַדמיניסטראַטיווע הוצאות פון די גמ"ח'ן זיינען מינימאַלע. אין אַ גרויסן טייל גמ"ח'ן ווערט די גאַנצע אַרבעט געפירט פון די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג אינגאַנצן אומזיסט. אויך דעם לאָקאַל גיט די שטעטל. הוצאות זיינען נאָר פאַראַן אויף די בוכהאַלטערישע ביכער, שרייבמאַטעריאַלן וכדומה. ס'זיינען אויך געווען איינמאָליקע הוצאות אויף לעגאַליזאַציע און אָרגאַניזאַציע פון גמ"ח. אין אַ ריי גרעסערע גמ"ח'ן, אָבער, ווערט שוין געוויינלעך געצאָלט מאָנאַטלעך דעם בוכהאַלטער און ס'זיינען אויך פאַראַן הוצאות אויף אַ דירה א. א. לויט אַ דעקלאַראַציע פון די אָנפירנדיקע מיטגלידער פון גמ"ח ווערט אויך אַריינגעטראָגן אין „יעקאָפּאָ" אַ געוויסער מיטגלידס-אָפּצאָל אַלס אַ קליינער צושטייער אויף די הוצאות אָנצופירן מיט די גמ"ח'ן.

זייער שטאַרק ווערט געקעמפט אין די גמ"ח'ן מיט די פאַרלעגענע חובות, אָפטמאָל מיט גרויס ערפאָלג. די קליענטור פון די גמ"ח'ן איז דער אָרעמסטער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס פירט דעם ביטערסטן און עלנדסטן קיום. די הלואה פון גמ"ח איז זיין וויכטיקסטע שטיצע אין קאַמף פאַרן קיום. אַפילו אין קליינע ראַטעס, איז אים אויך ניט זעלטן שווער אויסצוצאָלן. אָבער דאָך קען מען מיט גרויס צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז בדרך כלל צאָלן די לייט אין די גמ"ח'ן גאַנץ פּינקטלעך און אויך די פאַרלעגענע חובות ווערן אָפּגעצאָלט.



7 תקנות (עניני גמילות-חסדים, א—ז) פון אַלטן שטעטלער גמילות-חסד, פאַרשריבן אין פנקס פון דער חברה.

אין אַ ריי גמ"ח'ן איז די פּינקטלעכקייט פון די צוריקצאָלונגען ממש צו באַוווּנדערן. די באַפעלקערונג אַליין היט די גמ"ח'ן ווי אַ וויכטיקע אינסטיטוציע, זי פאַרשטייט עס צו טאָן, ווייל אין גרעסטן טייל פאַלן קען דער קליענט פון גמ"ח ניט באַקומען קיין הלואה ערגעץ אַנדערשוואו. אין פאָלקסבאַנק דאַרף ער צאָלן פּראָצענט, דאַרף איינצאָלן אַ פּאַי און אַנדערע התחייבותן (וואָס איז ניט לויט זיינע כּוחות) און ער איז אויך ניט אויף אַזויפיל קרעדיטפעאיק, אַז ער זאָל בכלל קענען ווערן אַ געווינטשטער מיטגליד פון דער באַנק. ס'זיינען דעריבער פאַראַן אַ ריי פאַלן, ווען די פאָלקסבענק אַליין בעטן, אַז מען זאָל ביי זיי אין די שטעטלעך גרינדן גמילות-חסדים-קאַסעס. ווען אַ וועלכער ניט איז קאָנקורענץ אָדער רייבונגען צווישן דער באַנק און גמ"ח קען גאָר קיין שום רייד ניט זיין.

די גמ"ח'ן זיינען דעריבער פאַראַן אין דעם ווייט-גרעסטן טייל שטעטלעך פון ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואודסטווע, הן אין די פּונקטן, וואו קיין קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבענק זיינען ניט פאַראַן (און דאָרט זיינען די גמ"ח'ן בכלל די איינציקע יידישע קרעדיט-אינסטיטוציעס) והן אין די פּונקטן, וואו קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבענק עקסיסטירן. די קליענטור פון דעם גמ"ח און פון דער באַנק איז, ווי געזאָגט, אַ פאַרשיידנאַרטיקע און דאָרט, וואו זי פאַלט אין אַ געוויסן גראַד צונויף, איז עס ניט קיין שטער פאַר די אינסטיטוציעס.

די קרעדיטן פאַר די גמ"ח'ן, וואָס „יעקאָפּאָ" גיט אַרויס פון די „דזשוינט"-געלטער, ווערן אויך געגעבן אויף וועקסלען מיט אונטערשריפטן פון די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער און שטעמפּל פון גמ"ח.

די קרעדיטן זיינען, נאַטירלעך, אָנפּראָצענטיקע און ווערן אַרויסגעגעבן אויסצוצאָלן אין גלייכע האַלביעריקע (אָדער אַנדערע) ראַטעס אין אַ משך ביז 10 יאָר (אַ טייל קרעדיטן — אויך אויף קירצערע טערמינען). די פעליקע ראַטעס (אָנהייבנדיק פון יאָר 1928) האָבן כּמעט אַלע גמ"ח'ן איינגעצאָלט פּינקט-

לעך. די צוריקגעצאָלטע (אומגעקערטע) געלטער ווערן דורך „יעקאָפּאַ" מיטן הסכם פון ד. ד. ק. ווידער געגעבן, מיט געוויסע ענדערונגען און הוספות, אַלס נייע קרעדיטן פאַר די גמ״חן. אויף אַזאַ אופן ווערט געבילדעט אַ שטענדיקער אומזאַץ־קאַפּיטאַל.

די גמ״חן האָבן אויך פקדונות, נאַטירלעך אָנפּראָצענטיקע. די פּאָפּולעריטעט פון די גמ״חן אין די שטעטלעך איז זייער גרויס.

דאָרט, וואו די גמ״חן אַנטוויקלען אַ שוואַכע טעטיקייט אָדער האָבן גרעסערע סומעס פאַרלעגענע חובות, ווערן אָנגענומען עקסטרע מיטלען צו פאַרבעסערן די לאַגע. וואו דאָס לאָזט זיך ניט, ווערט געשטעלט די פראַגע פון ליקווידירן דעם גמ״ח און רעאַליזירן דעם וועקסל־פּאָרטפעל פון די לוים. אַזוינע פאַלן זיינען אָבער אַ זעלטנהייט און אין ווילנער געגנט איז ביזן יאָר 1930 קיין פאַל פון ליקווידירן אַ גמ״ח ניט געווען.

די ווייטערדיקע טאַבעלן אילוסטרירן גענויער די טעטיקייט פון די גמילות־חסדים־קאַסעס אין ווילנער און נאָוואָ־גרודקער געגנט.

אַלגעמיינער באַריכט פון די גמילות־חסדים־קאַסעס אין טעטיקייטס־ראַיאָן פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאַ" אין ווילנע פאַר די יאָרן 1926—1929

צום 1־טן יאַנואַר 1930 (לויט די באַריכטן פון די גמ״חן)

№	שטאָט			הכנסה									הוצאה												
		פונקציאָנירט פון	צאָל מיטגלידער	הלוואה פון „יעקאָפּאַ" (ד. ד. ק.)		אייגענע מיטלען		פקדונות		איינגעקומענע הלוואות		ס״ה		ארויסגעגעבענע הלוואות: צאָל	ארויסגעגעבענע הלוואות: סומע		אויסגעצאָלטע פקדונות		אומגעקערט „יעקאָפּאַ" (ד. ד. ק.)		צינזן, אַדמ. הוצאות, אינווענטאַר		ס״ה		סאַלדאָ צום 1־טן יאַנואַר 1930	
		1	2	3		4		5		6		7		8	9		10		11		12		13		14	
				גר	זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זלאָטעס		גר	זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זלאָטעס	גר	זל.
1	איגנאַלינע . .	אָקט. 1926	95	—	3.300	50	1.137	—	124	30	44.635	80	49.196	980	50	48.288	—	124	—	400	85	249	35	49 062	45	134
2	איוויע . . .	אָקט. 1926	220	—	8.425	55	6.865	—	2.664	80	126.402	35	144.357	2.370	80	136.151	50	2.620	—	800	30	*4.390	60	143.962	75	391
3	אײשישעק . .	יאַנ. 1927	**)	—	4.000	31	6.480	—	1.369	30	54.247	61	66.096	1.019	—	62.517	—	1.369	—	600	67	1.605	67	66.091	94	4
4	אָלקעניק . . .	אויג. 1926	223	—	4.300	77	5.136	40	4.312	—	119.306	17	133.055	1.879	—	128.954	30	2.399	—	600	94	1.100	24	133.054	93	—
5	אַלטאַן . . .	רעצ. 1929	97	—	1.000	37	172	—	—	—	615	37	1.787	36	—	1.730	—	—	—	—	90	51	90	1.781	47	5
6	אָסטראָוויעץ . .	יולי 1926	57	—	2.900	77	2.250	58	6.482	99	100.305	31	111.939	1.230	04	101.676	58	6.465	—	400	97	393	49	111.935	85	3
7	אָרלאָווע . . .	אײג. 1926	50	—	1.500	82	1.495	58	12.525	82	52.995	22	68.508	985	32	55.595	58	12.375	—	225	92	296	42	68.492	80	15
8	אָשמענע . . .	דעצ. 1926	514	—	6.700	95	10.334	45	1.154	13	311.762	53	357.951	5.343	46	350.706	05	571	—	1.000	56	5.301	07	357.579	46	372
9	באַראַנאָוויטש .	דעצ. 1926	1.398	—	10.000	05	14.091	86	24.525	38	231.047	29	278.664	4.571	89	249.287	88	23.947	—	1.600	62	3.549	39	278.385	90	278
10	בודסלאַוו 1) . .	יוני 1926	—	—	1.000	—	—	—	—	—	—	—	1.000	—	—	—	—	—	—	100	—	—	—	100	—	900
11	ביטען . . .	יולי 1926	36	—	1.300	50	888	—	—	85	13.066	35	15.255	416	10	14.391	—	—	—	200	70	170	80	14.761	55	493
12	בעליצע . . .	יולי 1926	104	—	2.400	96	2.227	95	5.727	—	94.599	91	104.954	1.792	—	98.971	25	5.073	—	400	09	459	34	104.903	57	51
13	בראַסלאַוו 2) .	יוני 1926	247	—	4.000	90	2.729	25	884	70	12.538	85	20.152	389	—	19.232	20	254	—	200	70	461	90	20.147	95	4
14	גלובאָקע . . .	דעצ. 1926	822	—	11.410	—	14.759	15	39.971	—	306.982	15	373.122	4.703	—	330.421	40	36.939	—	1.400	71	4.353	11	373.114	04	8
15	דאָקשיץ . . .	יולי 1926	393	—	6.000	40	5.069	—	1.906	85	97.042	25	110.018	2.302	—	106.546	50	1.505	—	900	35	941	85	109.892	40	125
16	דובינאָווע . .	דעצ. 1926	86	—	2.800	96	2.377	70	79	65	40.777	31	46.035	742	15	44.462	—	5	—	400	09	549	24	45.416	07	619
17	דוגעלישעק . .	יוני 1926	36	—	1.500	—	383	—	—	90	13.100	90	14.983	347	—	14.526	—	—	—	225	55	90	55	14.841	35	142
18	דונילאָוויטש .	יאַנ. 1927	152	—	4.800	65	5.730	—	2.159	—	97.003	65	109.692	1.322	—	105.545	—	2.059	—	600	85	1.468	85	109.672	80	19
19	דיסנע . . .	אײג. 1927	647	—	11.000	90	4.999	60	3.155	55	69.179	05	87.335	2.096	—	81.575	20	2.436	—	1.400	90	1.863	10	87.275	95	59
20	דעוויעניסעק .	יולי 1926	120	—	1.000	82	2.681	92	5.199	80	50.869	54	59.751	1.010	—	51.616	22	4.707	—	50	65	375	87	59.748	67	2
21	דריסק . . .	אויג. 1926	94	—	2.500	05	2.025	—	—	70	26.096	75	30.621	605	70	28.956	—	—	—	400	65	1.094	35	30.451	40	170
22	דרויע	סעפט. 1929	181	—	1.750	35	1.407	40	87	50	2.626	25	5.871	169	—	5.602	40	87	—	—	50	177	90	5.866	35	4
23	האָליציטס . .	דעצ. 1926	144	—	2.800	20	7.187	—	—	40	65.550	60	75.537	652	70	73.908	—	—	—	400	25	1.218	95	75.526	65	10
24	האַראַדני . .	נאָוו. 1927	155	—	1.500	95	2.330	20	473	10	20.612	25	24.916	309	—	22.905	20	466	—	200	60	1.111	80	24.682	45	233
25	האָרעדיסטס 3)	יולי 1926	68	—	1.000	15	636	—	75	—	7.920	15	9.631	257	—	9.018	—	40	—	200	50	177	50	9.435	65	195
26	הערמאַנאָוויטש 4)	נאָוו. 1926	85	—	1.500	—	341	—	75	95	4.670	95	6.586	158	—	6.390	—	50	—	—	15	143	15	6.583	80	3
	טראַנספּאָרט		6.023	—	100.385	88	111.741	04	112.952	67	1.931.944	59	2.307.023	25.682	66	2.154.972	26	103.496	—	12.700	47	31.597	39	2.302.766	[illegible]	4.257

---

1) ס׳פעלן ידיעות; 2) פאַקטיש טעטיק נאָך פון פעברואַר 1929; 3) פאַקטיש טעטיק נאָך פון אויגוסט 1928; 4) באַריכטן נאָך פון מערץ 1927 ביז אויגוסט 1928.

*) אין דעם 2.374.95 עווענטועלער היזק פון דער שריפה אין יאָר 1929. **) ניט אָנגעוויזן גענוי די צאָל מיטגלידער.

№	שטאָט	1 פונקציאָנירט פון	2 צאָל מיטגלידער	הכנסה 3 הלוואה פון „יעקאָפּאָ“ (ר. ה. ק.) גר	3 זל.	4 אייגענע מיטלען גר	4 זל.	5 פקדונות גר	5 זל.	6 אומגעקערטע הלוואות גר	6 זל.	7 ס"ה גר	7 זלאָטעס	הוצאה 8 ארויסגעגעבענע הלוואות צאָל	9 ארויסגעגעבענע הלוואות סומע גר	9 זל.	10 אויסגעצאָלטע פקדונות גר	10 זל.	11 אומגעקערט „יעקאָפּאָ“ (ר. ה. ק.) גר	11 זל.	12 אדמי. און אנד. הוצאות אינווענטאַר גר	12 זל.	13 ס"ה גר'	13 זלאָטעס	14 סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1930 גר'	14 זל.
	טראַנספּאָרט		6.024	—	100.385	88	111.741	01	112.952	67	1.981.944	59	2.307.023	25.682	66	2.154.972	26	103.496	—	12.700	47	31.597	39	2.302.766	20	4.257
27	וואַרשנאָוויץ . .	אָקט. 1926	177	—	3.650	39	3.325	—	115	60	49.769	99	55.359	1.094	50	54.310	85	82	—	600	23	790	58	55.783	41	76
28	וואַרניאַן . . .	יוני 1926	70	—	2.900	47	1.856	—	2.202	95	64.891	42	71.853	1.069	55	68.383	—	2.157	—	400	40	667	95	71.607	17	242
29	ווירו 5) . . .	יוני 1926	143	—	3.000	10	3.828	25	538	10	33.758	45	41.124	827	85	33.437	40	341	—	300	60	915	05	40.995	40	129
30	ווילייקע . . .	אָקט. 1926	218	—	6.500	20	1.759	—	10.497	85	113.679	05	132.436	1.551	90	121.550	—	9.319	—	1.000	25	405	15	132.275	90	160
31	זאַבקאָוויטש	יולי 1927	32	—	500	60	544	—	1.048	—	12.908	60	15.000	214	—	13.895	—	749	—	100	—	—	—	14.743	60	257
32	זשעטל . . .	סעפּט. 1926	489	—	7.000	55	12.982	—	—	32	156.312	87	176.294	3.407	55	173.164	—	—	—	583	77	2.232	62	175.980	25	314
33	זשעלודאָק 6) .	דעצ. 1927	—	—	—	95	265	55	566	50	593	—	1.426	32	50	1.120	50	275	—	—	95	21	95	1.417	05	8
34	טאָרטשין . .	יולי 1927	41	—	1.003	15	1.255	—	29	65	13.410	10	15.695	221	70	14.996	—	29	—	200	90	191	60	15.417	50	277
35	טורעק . . .	אָקט. 1926	74	—	1.800	05	535	—	—	50	7.441	45	9.776	190	51	9.174	—	—	—	200	05	320	55	9.694	—	82
36	לאַנדוואָרעוו	סעפּט. 1926	89	—	3.000	—	827	05	463	—	29.255	95	33.515	455	25	33.104	—	20	—	300	11	121	36	33.544	59	1
37	לידע	יוני 1926	825	—	15.000	05	17.742	50	8.293	50	470.520	05	511.556	7.311	—	496.015	50	7.293	—	2.600	65	5.481	15	511.390	90	165
38	ליטעמין . .	יולי 1926	68	—	2.000	82	766	65	1.036	59	17.856	06	21.681	423	68	20.261	65	1.036	—	—	04	292	35	21.590	71	69
39	ליפּנישאָק . .	אויג. 1926	187	—	3.500	65	1.145	—	—	60	28.033	25	32.679	576	90	31.231	—	—	—	630	61	499	40	32.321	85	357
40	לעבעדעוו . .	יאַנ. 1927	—	—	2.430	01	2.676	60	2.075	45	43.316	06	50.468	731	—	47.689	05	1.663	—	400	96	705	01	50.458	05	10
41	מאַלאָריטע .	יאַנ. 1927	142	—	2.500	25	3.708	15	3.776	—	131.421	40	141.405	1.589	—	137.519	40	3.228	—	400	15	231	55	141.378	85	26
42	מאָלטשאַד . .	פעבר. 1927	186	—	3.000	35	3.648	50	222	50	102.814	35	109.685	2.719	50	108.538	50	222	—	400	35	510	35	109.671	—	14
43	מיאַדל . . .	יאַנ. 1927	72	—	1.000	65	4.251	—	—	—	23.591	65	28.832	417	45	28.204	—	—	—	200	90	285	35	28.690	30	142
44	מיאָר	נאָוו. 1927	149	—	3.000	32	2.361	95	161	—	45.448	27	50.974	1.013	—	49.743	95	161	—	400	90	608	85	50.916	42	57
45	מײַשעגאָלע .	יוני 1926	119	—	3.000	69	2.760	04	2.792	50	44.032	23	52.585	638	50	49.659	38	1.602	—	600	83	347	71	52.209	52	375
46	מיכאַלישאָק 7) .	יוני 1926	96	—	3.000	05	3.714	90	4.372	75	57.247	70	68.331	885	—	64.463	90	2.709	—	300	50	605	40	68.078	30	256
47	מיר	דעצ. 1927	279	—	3.000	—	5.851	36	6.216	—	76.127	36	91.196	1.647	—	83.800	36	6.216	—	550	47	552	83	91.118	53	77
48	נאָוואַגרודעק .	דעצ. 1926	412	—	3.500	15	3.615	90	2.179	18	66.238	23	75.533	1.805	88	72.172	90	2.129	—	350	90	707	68	75.360	55	172
49	ניי-ווילייקע .	אַפּריל 1927	132	—	4.000	60	3.716	80	528	—	63.923	40	72.168	1.198	—	70.989	60	320	—	500	45	338	05	72.168	35	—
50	ניי-סווענציאַן	יולי 1926	180	—	4.300	45	3.629	80	6.600	70	85.434	95	99.964	1.651	—	90.716	80	6.600	—	600	94	1.889	74	99.806	21	158
51	ניי-פּאָהאָסט .	אָקט. 1926	91	—	3.400	45	1.720	61	253	—	41.261	05	46.635	750	—	44.405	—	222	—	400	50	517	50	45.544	55	1.090
52	נעמענטשין .	מײַ 1929	70	—	—	50	2.151	—	30	—	8.790	50	10.971	218	—	10.727	—	30	—	—	—	27	—	10.784	50	187
53	סאָל	סעפּט. 1926	92	—	3.000	60	2.753	65	5.849	75	108.332	—	119.936	1.274	—	114.575	75	5.051	—	—	80	269	55	119.896	45	39
54	סוויר	יולי 1926	140	—	4.000	10	1.813	30	2.190	—	89.496	40	97.499	1.337	—	94.262	—	873	—	600	52	1.370	52	97.105	88	393
55	סווענציאַן .	מײַ 1926	477	—	12.030	—	17.600	20	11.302	50	241.325	70	282.227	3.622	50	267.766	—	10.836	—	2.003	25	1.583	75	282.185	95	41
56	סורישען . .	נאָוו. 1927	127	—	1.000	33	2.918	—	759	—	39.895	33	44.572	794	—	43.121	—	681	—	200	80	479	80	44.484	51	87
57	סטויבץ . . .	דעצ. 1927	208	—	1.300	75	1.744	83	6.082	10	31.276	68	40.403	882	—	35.175	98	4.154	—	100	60	965	58	40.399	10	4
58	סמאָרגאָן . .	אָקט. 1927	202	—	2.010	40	6.800	23	6.475	—	70.038	60	85.363	1.625	—	77.120	20	6.190	—	300	66	1.720	86	85.330	74	32
59	פּאַרבערעזשע 8)	יוני 1926	82	—	4.100	99	2.577	39	438	50	28.236	88	35.352	417	50	31.963	77	152	—	600	72	2.410	99	35.126	89	225
60	פּאָדבראָדזש .	יוני 1926	186	—	5.000	70	7.010	70	1.455	75	129.915	15	143.382	1.867	—	139.718	45	1.149	—	600	85	1.528	30	142.996	85	385
61	פּאַלאַנקע .	יאַנ. 1928	42	—	1.350	—	691	31	506	22	14.349	53	16.896	227	22	15.988	56	505	—	100	99	283	77	16.877	76	18
62	פּאָסטאַוו . . .	יולי 1926	170	—	4.000	50	5.522	55	1.712	80	86.609	85	97.844	1.467	70	93.860	—	1.878	—	600	30	760	—	97.099	85	745
63	פּאַרטשעוואַנאָוויץ 9)	נאָוו. 1927	—	—	500	60	923	—	210	85	976	45	2.610	46	—	2.300	—	210	—	—	45	71	45	2.591	—	29
64	קאָבילניק .	יאַנ. 1928	64	—	2.500	25	1.846	25	1.972	90	31.583	40	37.902	461	—	36.311	35	1.201	—	100	30	289	65	37.892	75	9
65	קאָזיאַן . . .	סעפּט. 1926	83	—	3.500	95	1.796	80	1.987	91	43.728	65	51.013	663	—	48.134	80	1.977	—	600	50	267	30	50.979	35	34
	טראַנספּאָרט		12.241	—	230.585	80	256.381	72	207.897	18	4.684.825	70	5.379.689	83.028	97	5.090.540	86	184.774	—	30.493	81	62.871	64	5.368.670	04	11.019

5) פון דעם אויסצוג פאַר דעצעמבער 1929; 6) פון דעם אויסצוג פאַר דעצעמבער 1928 — דעצעמבער 1929; 7) פון דעם אויסצוג פאַר יוני — דעצעמבער 1929;
8) פאַקטיש טעטיק נאָר פון דעצעמבער 1927; 9) באַריכטן נאָר פאַר נאָוועמבער און דעצעמבער 1927.

№	שטאָט	פונקציאָנירט פון	צאָל מיטגלידער	הכנסה										הוצאה													באַלאַנס צום 1-טן יאַנואַר 1930	
				הלוואה פון ,,יעקאָפּאָ" (ה. ה. ק.)		איי־גענע מיטלען		פקדונות		אומגעקערטע הלוואות		ס"ה		אַרויסגעגעבענע הלוואות			איינגעצאָלטע פקדונות		אומגעצאָלט ,,יעקאָפּאָ" (ה. ה. ק.)		אַדמינ. און אַנד. הוצאות אינווענטאַר		ס"ה			
														צאָל	סומע											
		1	2	3		4		5		6		7		8	9		10		11		12		13		14	
				זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זלאָטעס	גר		זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זל.	גר	זלאָטעס	גר	זל.	גר
		טראַנספּאָרט	12.241	230.585	—	256.381	80	207.897	72	4.684.825	18	5.379.689	70	83.028	5.090.540	97	184.774	86	30.483	—	62.871	81	5.368.670	64	11.019	06
66	קירענעץ	יולי 1926	287	4.500	—	7.929	60	14.764	41	94.914	20	122.108	20	1.705	111.031	—	5.886	55	600	—	4.152	18	121.669	73	438	47
67	קעמעליסעק .	אָקט. 1926	54	2.800	—	840	92	—	—	22.724	—	26.364	92	294	25.850	—	—	—	400	—	25	60	26.275	60	89	32
68	קראָסנע 10) . .	יולי 1926	67	2.500	—	1.105	50	1.983	50	35.672	—	41.261	—	538	39.286	—	1.094	50	500	—	335	10	41.215	60	45	40
69	קריוויטש . .	אַפּריל 1929	80	—	—	2.883	55	1.379	—	8.897	90	13.160	45	217	11.221	90	1.379	—	—	—	169	45	12.770	35	390	10
70	ראַדאָשקאָוויטש	מאַי 1926	231	3.000	—	2.869	63	8.302	90	184.634	55	198.807	08	2.441	183.315	94	8.202	88	600	—	*)5.871	43	197.990	25	816	81
71	ראַדון	מאַי 1926	173	3.000	—	6.429	47	8.575	87	115.329	82	133.335	16	1.427	124.220	67	7.615	12	600	—	820	68	133.256	47	78	69
72	ראַדשאָנקע . .	אויג. 1926	—	3.500	—	2.434	85	3.239	—	69.635	20	78.809	05	1.208	76.111	—	845	25	600	—	749	90	78.306	15	502	90
73	ראַקאָוו . . .	יאַנ. 1928	131	1.640	—	4.009	55	2.064	75	22.625	75	30.340	05	499	26.405	25	2.064	75	100	—	1.491	25	30.064	25	275	80
74	רודישעק . .	יולי 1926	82	4.000	—	4.112	15	442	81	95.957	20	104.512	16	1.155	102.239	—	288	49	600	—	1.410	47	104.457	96	54	20
75	שטשוטשין . .	יוני 1926	177	2.010	—	5.227	52	4.580	26	53.000	95	64.918	73	1.022	59.749	—	4.274	91	400	—	455	19	64.879	10	29	63
		ס"ה	13.523	257.525	—	314.324	54	253.230	19	5.358.216	75	6.193.296	48	(** 93.534	(** 5.949.973	73	216.346	31	34.883	—	78.353	06	6.179.556	10	13.710	[illegible]

---

10) פּראַקטיש טעטיק נאָר פון אָקטאָבער 1926. *) אין דעם—303 זל. פאַרשריבענע פאַרפאַלענע חובות. די גרעסערע אַדמיניסטראַטיווע און אַנדערע הוצאות הן אין ראַדאָשקאָוויטש והן אין קירענעץ זיינען פון א מאָמענטאַלן כאַראַקטער. **) דער דורכשניט פון א הלוואה מאַכט אַלץ אויס (צום 1 יאַנ. 1930) 62.54 זל. שפּעטער איז דער דורכשניט געוואָרן א ביסל גרעסער אין דערנאָכדעם (אין יאָר 1930) ביז 75 זל. (ז. אויבן זייט 313).

די פּראָפעסיאָנעלע צוזאַמענשטעלונג פון די מיטגלידער אין די גמילות-חסדים-קאַסעס פון ,,יעקאָפּאָ"-ראַיאָן

(לויט די באַריכטן פון די גמ"חן אויפן 1-טן יאַנואַר 1930).

פּראָפעסיע	צאָל	%
קליינהענדלער	5.544	41,7
האַנטווערקער	4.681	34,6
פאַרשיידענע אַנדערע באַשעפטיגונגען	1.563	11,6
פרייע און אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס	1.156	8,5
ערד-אַרבעטער	479	3,6
בסך-הכל .	13.523	100

די גמילות-חסדים אין ווילנע.

די מוסדות פון די גמילות-חסדים עקזיסטירן אין ווילנע שוין פון לאַנגע יאָרן. נאָך אין יאָר 1598, פינף און צוואַנציק יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער גרויסער שול, האָט זיך געבויט בײַ דער גרויסער שול די קלויז שבעה-קרואים, וואָס האָט אויך געהאַט א גמ"ח.

דער שבעה-קרואים איז געווען צוטיילט אויף צוויי העלפטן. אין איין העלפט פלעגן חברים פון ש"ס אַריינגיין פון שול שבת לייענען און אויפרופן צו דער תורה נאָר שבעה קרואים (ווייל אין דער גרויסער שול פלעגט מען טיילן עליות מער ווי 7 פּערזאָן) און אין דער צווייטער העלפט איז געווען דער גמ"ח, וואו מען פלעגט לייען געלט אויף משכנות. די גרעסטע הלוואה אין אַמאָליקע צייטן איז געווען תרי זהוב (2 גילדן). מיט א יאָר 40 צוריק איז דער גמ"ח פון ש"ס בטל געוואָרן, אין יאָר 1929 איז ער צוריק באַנייט (און לעגאַליזירט) געוואָרן.

אין ווילנע געפינט זיך אויך א באַזונדערע קלויז מיטן נאָמען „גמילות חסד" געבויט אין יאָר תר"ג (1843), וואו מען פלעגט ביז דער מלחמה לייען געלט אויף משכנות. אויפן צווייטן גאָרן פלעגט מען היטן די משכנות.

מיט א יאָר 30 צוריק איז אויך געווען אין ווילנע א שטאָטישער יידישער גמ"ח צו לייען אויף משכנות, וועלכער האָט געהערט צו צדקה-גדולה. ער האָט זיך געפונען אין איר בנין איבער דער יידישער באָד. אין יענער צייט איז אויך געווען אין ווילנע א גמ"ח „סומך נופלים", וואָס דער פרומער ייד און למדן ר' יצחק טילעס האָט געפירט בײַ זיך אין שטוב און אַז ער איז פאַר דער מלחמה נפטר געוואָרן, איז דער גמ"ח בטל געוואָרן.

עס זיינען אויך געווען גמ"חים בײַ אַלע פאַכן ווי שוסטער, שניידער, גלעזער א. א., ווי אויך בײַ פאַרשיידענע בראַנזשעס אין אַלע איבעריקע הונדערטער קלויזן פון ווילנע. אין יעדער קלויז איז געווען איינגעאָרדנט א גמ"ח, כדי צו מקיים זיין די דריי עמודים: תורה, עבודה און גמילות-חסדים.

יעדער גמ"ח האָט זיך געהאַט זיין חג שנתי, דאָס רוב פּרשה „משפּטים", אויפן סמך פון פּסוק „אם כסף תלוה", וואָס געפינט זיך אין דער דאָזיקער פּרשה. אַנדערע גמ"חן — אין דער פּרשה, ווען זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן. פאַרשיידענע חברות האָבן געהאַט בײַם גמ"ח אויך א הילפס-קאַסע צו שטיצן די חברים אין דער צייט פון קראַנקייט. אַזוי געפינען מיר אין דער הקדמה פון פּנקס „חסד ישועות" (בערך פון יאָר 1869) פון די אַמאָליקע האַנדלס-אַנגעשטעלטע וועגן דעם בזה הלשון (פאַרקירצט): „חיות האדם גם בעשרו איננו יודע מה אחריתו, אף כי אנחנו אזובי קיר „שכירי יום". אי לזאת קמנו אנחנו עושי מלאכה בכל בתי המרכולת כרתנו ברית אמנה לעמוד איש לימין רעהו להחיים איש איש מדמי שכירותו לא פחות משני קאָפּ' ולא יותר מחמשה לשבוע. הכסף הזה יענה את שלום כל איש הבא בבריתנו בכל עת אשר תמוט ידו כן כאשר יורה מכנו וחלה ח"ו, ימות וישאיר אחריו אלמנה או כל אסון אשר יקרה תנהלנו צדקה יד האחוה הזאת מהקופה היא" וכו'.

יעדער גמ"ח האָט זיך געהאַט א פּנקס געשריבן אין א מישונג העברעאיש מיט פאַרשיידענע תקנות. איך ברענג דאָ איינציקע פון זיי פון פּנקס פון גמ"ח דח"ק סנדלרים בערך פון יאָר תרנ"ב (1892) בזה הלשון: „כל אחד מאנשי חברתנו יוכל

לקחת גמ"ח שלנו מן רו"כ אחד עד חמשה בפעם אחת בלי משכון, אך מחויב להביא ספר ערובה (צעטל) מאחד מאנשי חברתנו. כל אחד מהלוים מחויב לסלק את החוב ע"י וואכער ולא פחות מחמשה קאפ' לשבוע מכל רו"כ וכו'

דיזעלבע תקנות חזרן זיך במעט איבער אין די איבעריקע פנקסים פון די גמח"ים.

אין די גמח"ים פלעגט מען זיצן ארויסגעבן די הלואות דאס רוב זונטאג, ד"ה אנהויב וואך, כדי די לוים זאלן האבן מיט וואס צו האנדלען. די גרויס פון די הלואות איז געווען אין די פריערדיקע יארן ביז 5 רוב', שפעטער ביז 30.

גרעסערע הלואות, פון 5 ביז 100 רוב', פלעגט מען ארויסגעבן אין דעם גרעסטן גמ"ח פון פאר דער מלחמה אין ווילנע פון דער צדקנית דבורה-אסתר (געגרינדעט אין יאר תרכ"ב, 1862). דער דאזיקער גמ"ח איז ווערט, אז מען זאל זיך אויף איב לענגער אפשטעלן, און באזונדערס כאראקטעריזירן די זייער אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט פון זיין גרינדערין און פירערין, וועלכע איז געווען אין ווילנע א שטיק לעגענדע *).

דבורה-אסתר בת ר' שלום איז געווען אן ארעמע יידענע, וואס האט פון קאפיקעס צוזאמענגענומען איבער 60 טויזנט רוב'. זי איז געבארן געווארן אין ווילנע אין יאר 1817. איר פאטער האט געהאלטן אן אכסניה אין ווילנע און איז געווען א גרויסער למדן. צו 12 יאר האט ער איר חתונה געמאכט מיט איר מאן ר' משה אידל, זייער א פרומען ייד. ער איז געווען א ברעטער-זעגער און זי פלעגט פונאנדערטראגן בעבעק און פון דעם האבן זיי געצויגן זייער חיונה און אויך נאך געטיילט צדקה בסתר. קיין קינדער האבן זיי ניט געהאט און דבורה-אסתר האט זיך איבערגעגעבן אינגאנצן צו צדקה-זאכן. דער עיקר האט זי געשטיצט לערנער און די מוסדות פון תורה. זי האט אויך געוואוסט פון אלע ביטערע הערצער, די פילע געפאלענע בעלי-בתים פארטראגן בסתר הלואות, ארעמע כלות געגעבן אויף נדן. איז ביי א בעל-עגלה געפאלן א פערד, איז מען געקומען צו דבורה-אסתרן; איז געווען אין א שטאט א שריפה, האט מען זיך געווענדעט צו דבורה-אסתרן, און דבורה-אסתר האט קיינעם ניט אפגעזאגט און ווי טאג ווי נאכט פלעגט מען איר טרעפן ארומגייענדיק דא אויפן שולהויף מיט א טעלער, דא אויפן פישמארק, דא ארומשפאצירנדיק אויסגעפוצט אין די יום-טובדיקע קליידער מיט דער פאטשיילקע אין האנט צו קלייבן נדבות אין די קרעמען און פון בית לבית. און ביי יעדערן איז געווען עפעס א זכיה, א שמחה צו געבן דבורה-אסתרן א נדבה.

זי האט געהאט באזונדערע קעסטעלעך אויף אירע צדקות. איין קעסטעלע פאר ארעמע כלות, א צווייטע פאר הלואות א. אז. וו. דאס געלט אויף די צדקות פלעגט זי קיינמאל ניט מישן. ספעציעל צו נגידים פלעגט זי ניט גיין. כמה נדבות פלעגט זי ניט געבן, נאר אליין, כדי יענעם צו שטעלן אויף די אייגענע פיס.

נאר די גרעסטע ארבעט אירע איז געווען דער גמ"ח ביי איר אין קלויז אויף ר' מיילאס הויף.

און וואס איז די געשיכטע פון איר גמ"ח, ווי עס איז פארשריבן אין פנקס פון חברה שמשים, וואו איר מאן איז געווען איינער פון די גרינדער, בזה הלשון:

„פנקס מן גמ"ח דח"ק שמשים דנ"חס"א פה ווילנא.

הקדמה. בשנת חמשת אלפים ושש מאות וארבע לבריאת עולם למנין שאנו מונין כאן פה ווילנא התאספנו אנחנו חברה קדישא שמשים דנחש"א דפ"ק ווילנא ועשינו אנחנו קשר אמיץ וחוק להיות מתפללים בחבורה אחת במקום תפילה קבוע, ונבחר מקום לראשונה בבית הגביר הנכבד ר' אייזיק מערעצקי דפ"ק והתפללנו שם כ"ת שנה. ובשנת תרכ"ב ביום ט"ו בשבט התאספנו עוד וחדשנו לקבל מעות מזומנים מלבד דמי שבוע לעשות עמהם גמילות-חסדים ללותם על משכנות וגם יהיה כסף רב נשתדל גם לקנות בית-תפילה. ועל זה עשינו פנקס עם תקנות, ומשנת תרכ"ט קבענו מקום תפילה אצל הגביר ר' יצחק חלם ומשנת תרל"ג אצל ר' משה ב"ר יחזקאל סמארגאנער ג' שנים. ואח"כ בפרוזדור של בית-הכנסת קברנים דפה שנה אחת. ואח"כ אצל ר' יעקב מאיר שנה אחת ובשנת תרל"ט, לסדר ויגש, זכינו לקבוע מקום תפילה מיוחד לצמיתות כי זכינו לקנות מקום תפילה בחצר ר' מיילא, אותו החלק השייך לר' משה פאפעווער, שתי עליות השניה השלישית עד רום רקיע, וזכתה האשה הצדקנית והחסידה דבורה אסתר אשת הנכבד ר' משה אידל העלטער ז"ל להיות כל כתבי הקניה כפי חוק הק"יה נכתבים ומונחים בערכאות על שמה, יען כי הרבה השתדלה האשה הנ"ל בזה הענין להוציא מחשבותיה לסוף לקנות מקום תפילה וגם היא העסקנית בענין הגמ"ח השייך לקלויז הנ"ל מאז ועד היום בהצלחה".

דער גמ"ח האט געהאט אויך אייניקע אנדערע נעמען ווי „פקוח נפשות" *) דערנאך „עוזר דלים".

דאס זיינען אייניקע תקנות פון פנקס חברה „עוזר דלים" פון יאר תר"ן (1890): „מדי שנה בשנה פ' בוא יהיה ועד כולל מראשי החברה ומכל החברים, ואז מחויבים הגבאים להראות חשבון צדק מהכסף הנקבץ ומהלואות. מקצה שש שנים יוכלו חברי החברה לבחור להם גבאים חדשים או לאשר ולקיים את הקודמים. אין כל רשות לחברי החברה לתת יותר משלשה ספרי ערובה (צעטלען) בעד לוה. זמן הגובל לשלומי כסף הסבתיי"כ הוא עשרים שבועות, היינו חמשה קאפ' לרו"כ. והלוים יהיות כתובים בפנקס הגמ"ח. מחויבים לתת כסף קדימה לא פחות מרוב' אחד". אינטערעסאנט איז אויך די לעצטע תקנה, וואס איז געשריבן זייער ווארעם בז"הל: „אנחנו גבאי החברה נבקש את כל איש, אשר אהבת תמים ניססה בלבו, לבקר את הבית בכל ימי חלוקת הכסף ללוים, למען יראה ויוכח אמת, כי נשמור את עבודת ה' באמונה ובכל עולה לא נמצאה בידינו ויוסף גם הוא אל החברה לחזק ידים רפות ולאמץ ברכים כושלות והיה מעשה הצדקה שלום".

דבורה-אסתר איז געווען זייער אן ענערגישע פרוי און מיט אירע הארציקע קלוגע רייד האט זי געווירקט, אז ווייבער האבן אויסגעטאן זייערע פערל און גאלדענע אוירינגלעך און עס ארויס-

---

*) די ווייטעריקע פרטים פון דבורה אסתר'ס ביאגראפיע און טעטיקייט האט דער מחבר אויף וויפיל ס'איז געווען מעגלעך צונויפגעשטעלט אויפן יסוד פון אויטענטישע ידיעות און באשרייבן. אייניקע ביאגראפישע פעלערן אין די געדרוקטע ארטיקלען וועגן דבורה אסתר זיינען דא פאררעכט.

פון די געדרוקטע ארטיקלען דארף מען באזונדערס דערמאנען: י. גורלאנדס מאנאגראפיע אין „ווילנער טאג", 1925, פון נומער 157 און ווייטער און א. ליטווינ'ס „יידישע נשמות", באנד II.

רעד.

*) אזוי געפינען מיר אין פנקס פון דעם גמ"ח ד"א: „החברה „פקוח-נפש" נתיסדה ע"י הצדקנית דבורה אסתר כ"ו אדר שנת תרמ"ג". ווייטער שטייט פארשריבן א חשבון, אז פון פ' תבוא תרמ"ו ביז פ' תבוא תרמ"ח האט מען ארויסגעגעבן הלואות על סך 45 טויזנט מיט 86 רו"כ און 50 קאפיקעס.

געגעבן אויף איר גמ"ח. אזוי ווי מיר געפינען עס געשריבן אין איר פנקס *) אין יענע אלע גמח"ים זיינען געווען דאס רוב פאר מאנסביל, האט זי איר גמ"ח געגרינדעט דערהויפט פאר די ארעמסטע ווייבער, וואס גייען מיט די קאשיקעס. און עס איז זייער שיין געווען צו קוקן, ווי די זקנה פלעגט זיצן אנגעטאן אין אירע שיינע פארצייטיקע מלבושים און מיט א זיסן שמייכל און קלוגן וויץ טיילן די הלואות און אנווינטשן פיל ברכות די ארעמע ווייבער. עס זיינען געווען אייניקע, וואס פלעגן נעמען ביי איר הלואות נאר פון מזל-ברכה-וועגן, ווייל א סך זיינען פון אירע הלואות באגליקט געווארן. עס איז אויך געווען שיין צו זען, ווי אפילו אין אירע לעצטע יארן, ווען זי איז שוין אלט געווען קרוב 90 יאר, פלעגט די אלטיטשקע דבורה-אסתר נאך גיין זייער זויבער אויסגעפוצט, און דרייען איינגעבויגן מיט איר שטעקעלע און פאטשיילקע אדער זעקל זאמלען נדבות, פון קראם צו קראם, פאר איר גמ"ח.

דבורה אסתר האט געהאט א גוואלדיקן זכרון און האט אלץ געדענקט אויף אויסווייניק. אויף דער עלטער, קרוב צו זיבעציק יאר, אז ביי איר איז דער זכרון שוואכער געווארן, האט זי זיך גענומען לערנען שרייבן.

דבורה-אסתר איז נפטר געווארן י"א כסלו תרס"ח (1907), 90 יאר אלט. אין איר קלויז אין דרום-וואנט איז דא א מארמאר-טאוול אויסגעשריבן אין העברעאיש און פיל מליצות איבער אירע גרויסע מעשים טובים. און אנהויב פון יעדער שורה געפינט זיך אן אות פון איר נאמען און פאמיליע „דבורה אסתר געלפער". דער נוסח איז געשריבן פון שמש פון דער גרויסער ווילנער שול ר' יצחק גארדאן ז"ל. אויף איר לויה איז געווען גאנץ שטאט. עס האבן איר מספיד געווען די גרעסטע רבנים און אויף איר קבר אויפן נייעם בית-עולם אין ווילנע איז דא אן אוהל, וואו אלע ביטערע הערצער קומען דארט מתפלל זיין. דער אוהל איז אינעווייניק פארווארפן פיל מיט צעטעלעך און די ווענט פול פארשריבן מיט פארשיידענע בקשות. אין פיל הייזער אין ווילנע קען מען אויך זען אויף די ווענט איר בילד צוזאמען מיט די גרעסטע גאונים און רבנים.

אין מלחמה-צייט זיינען אלע גמח"ים בטל געווארן. אפילו דבורה-אסתרס גמ"ח האט אויך ניט געקענט האבן קיין מעמד צוליב פאלגנדע סיבות: 1) א סך לוים זיינען צושטארבן פון הונגער, א סך זיינען אוועקגעפארן אין רוסלאנד אדער זיינען צינעניסען געווארן אויף דער מלחמה און די חובות זיינען פארפאלן געווארן; 2) ווייל דאס געלט האט פיל מאל אנגעווארן זיין ווערט (פריער רובלס, דערנאך אסט-מארק, קערענקעס, פוילישע מארקן א. אז. וו.).

נאכן קריג, ווי ס'איז א ביסל רואיקער געווארן פון מלחמות, הונגער, עקסצעסן און פון דער בייטעניש פון די מאכטן, האט מען אנגעהויבן, אין יאר 1919—1920, ברייט צו בויען די גמח"ים. אזוי האבן אין יאר 1926 שוין ווידער עקסיסטירט 36 גמח"ים (פאר דער מלחמה זיינען געווען איבער הונדערט). די סיבה, וואס ניט אלע גמ"ח'ן האבן זיך געקענט ווידער עפענען, איז געווען דער מאנגל אין געלט-מיטלען צוליב דעם קריזיס. און אין דעם זעלבן יאר 1926, בעת דער דירעקטאר פון ד. ר. ק. ד"ר בערנארד קאהן האט באזוכט ווילנע, האט זיך געגרינדעט א צייטווייליקע צענטראלע פון אלע גמח"ים אין ווילנע *), וועלכע האבן זיך צו איר געווענדעט מיט א מעמאראנדום וועגן געלט-שטיצע.

אויפן מעמאראנדום איז אנגעקומען א נעגאטיווע תשובה, ווייל דער ד. ר. ק. האט ניט געוואלט צעברעקלען דאס געלט אין פיל הענט און חוץ דעם שטיצט דער ד. ר. ק. נאר איין גמ"ח אין א שטאט. ער האט דעריבער געגעבן א פאר טויזנט דאלאר און געגרינדעט דעם הילפס-קאמיטעט, דעם גרעסטן גמ"ח אין ווילנע, וועלכער פארמאגט איצט סוף יאר 1929 פון ד. ר. ק. 130 טויזנט זלאטעס און שטיצט מיט הלואות פון 100 ביז 200 זלאטעס קרוב 2000 פערזאן. די הלואות ווערן ארויסגעגעבן אויף א משך פון 6 חדשים. חוץ דעם הילפס-קאמיטעט האט דער ד. ר. ק. אויך געשטיצט מיט א געוויסער סומע די האנטווערקער, קליינהענדלער און האלע-קרעמער. אין משך פון דער צייט 1926—1929 זיינען צוגעקומען אין ווילנע נאך ביי א דרייסיק גמח"ים, כ"ה 60, פון וועלכע 40 זיינען שוין לעגאליזירט און די איבעריקע האלטן זיך ביים לעגאליזירן. די דאזיקע גמ"ח'ן פארמאגן צוזאמען בערך א סכום פון 400.000 זלאטעס און שטיצן בערך 8.000 לוים. די געלטער פון די אלע גמ"ח'ן, חוץ די פיר אויבן-אנגערופענע, זיינען אינגאנצן אייגענע, פון דער ארטיקער יידישער באפעלקערונג.

נאכן הילפס-קאמיטעט רעכנט זיך פאר דעם גרעסטן דער גמ"ח ביים סוחרים-פארבאנד, געגרינדעט אין יאר 1927, וועלכער פארמאגט איצט אן אייגענעם קאפיטאל פון איבער 30 טויזנט זלאטעס. די גרויס פון די הלואות איז פון 150 ביז 1.000 זלאטעס. די הלואות גיבן זיי ארויס איינמאל אין 2 וואכן. הכנסות האבן זיי אויך פון די קאנצעסיעס אויף וועקסלען און שטעמפל-מארקעס. נאכן הילפס-קאמיטעט גייט דער „נחום אבלים", לעגאליזירט אין יאר 1923, וואס זיין ציל איז צו געבן הלואות נאר אלמנות און יתומים, מיט א קאפיטאל פון איבער 20 טויזנט גילדן, די גרויס פון די הלואות פון 25 ביז 200 זל. זיי גיבן ארויס די הלואות זונטאג און מאנטאג. דער גמ"ח צאלט אויך אין „הילף דורך ארבעט" ביז 100 זל. א חודש פאר יתומים צו לערנען זיי א מלאכה און 30 זלאט א חודש אויף אומזיסטע צעטלען אין מרחץ פאר אלמנות און יתומים. דער גמ"ח „נחום אבלים" האט בערך 800 מיטגלידער, לוים איז פאראן איבער 500. נאך „נחום אבלים" גייט דער גמ"ח פון „עזרת נשים", געגרינדעט דורך פרויען און ווערט געפירט דורך פרויען, מיט א קאפיטאל פון 22 טויזנט זלאט, האט 450 לוים. די גרויס פון די הלואות פון 30—200 זל. נאך „עזרת נשים" גייט דער גמ"ח פון די „שוסטער" מיט א קאפיטאל פון 9 טויזנט זלאט. ער האט אויך א שטיץ-קאסע, וועלכע גיט ארויס פאר זיינע ארבעטסלאזע אדער קראנקע מיטגלידער צו 33 זל. א וואך. נאכדעם — דער גמ"ח אויפן נאמען פון דבורה-אסתר מיט א קאפיטאל פון 7.000 זל. הלואות פון 25—100 זל. 364 לוים. דאסזעלבע אויך דער גמ"ח „סומך נופלים" ביי די כלי-זמר אויך מיט א שטיץ-קאסע ביים גמ"ח א. אז. וו.

די גמ"ח'ן געפינען זיך כמעט אין אלע פארשטעטלעך און אין פארשיידענע גאסן פון שטאט. כמעט אלע גמח"ים (חוץ 7 גרעסערע) געפינען זיך אין די קלויזן און קיינע הוצאות ביי די גמח"ים איז כמעט ניטא. אייכער ביי דעם הילפס-קאמיטעט, ביי וועמען עס גייט אוועק אויף שכירות-דירה און קאנצעלאריע ביז 1.070 זל. א חודש, וואס ער באקומט עס פון מיטגלידס-אפצאל, ווי אויך „נחום אבלים" ביי 150 זל. א חודש אויף קאנצעלאריע, ביי דבורה-אסתר 75 זל. א חודש. דאס רוב קאסט הוצאות אין די גמח"ים, וואו עס זיינען פאראן מיטגלידער (אנדערע גמ"ח'ן עקזיסטירן נאר פון איינמאליקע נדבות), אן שטענדיקע מיטגלידס-אפצאל, ווייל בכלל די הוצאות אויף מעט פאר גביה, איצט אויך צוליב דער פארארדענונג פון פירן פארמעלע ביכער לויט די כללים פון ביכהאלטעריע, וואס דאס רוב עסקנים פון די גמח"ים קענען דאס ניט אויספירן און מען מוז דינגען ביכהאלטערן צו אויספירן די ארבעט פון די ביכער.

די דורכשניטלעכע גרויס פון א הלואה איז 90 זלאטעס.

עס איז די רשימה פון אלע גמ"ח'ן, וואס געפינען זיך צום אנהייב יאר 1930 אין ווילנע לויט א"ב פון די נעמען *):

אור תורה; אהבת חסד; אחוות; איינבינדער; אנטאקאלער; בנות-ישראל; בית אהרן; בעלי עגלה; גתפ"א; גמילות-חסד-קלויז; גרישקין (דרוקער); נאר-באנסקער; ע"ש גאלדבערג; ע"ש דבורה-אסתר; הילפס-קאמיטעט; הילפס-קאסע ביים סוחרים-פארבאנד; הילפס-קאסע ביים האנטווערקער-פאראיין; האלע-קרעמער; ע"ש וואלק; ע"ש זאוויל גערשוויץ ולעווינסאן; זארעטשער; חברה פועלים; ע"ש חאלעם, ע"ש חעלעם; טאנדעטניקעס; יאגיבעס; ליבאוויטשער; לוקישקער; לעדער-קרעמער; ע"ש ליבאוויטש; נחום אבלים; סארע-וואסער-קרעמער; סומך נופלים, כלי-זמר; סומך נופלים; האלארסקע; ע"ש ר' שמואל סעלץ; סאלדאטסקער; עזרת נשים; ע"ש עליאשבערג; עזרת אחים; עזרת נופלים; פישער; פאפלאווער; קצבים; פוטער-קירזשנער; היטל-קירזשנער; קליינהענדלער; קאמינארסקער; רימארסקער; ע"ש ראטשטיין; רוזעלער; השלום; שילדן-מאלער; שבעה קרואים; ע"ש שיינקער; שטראשון; שניפישקער, גרויס; שניפישקער, קליין; ע"ש סקאלניצקי; שוכטערשער; שניידער-שער; תפארת-בחורים.

די נעמען פון די גמ"ח'ן זיינען פארשיידן: לויט די נעמען פון די גרינדער אדער פון די קלויזן, לויט דעם ציל פון דער חברה אדער לויט די פאכן און בראנזשעס. אנדערע — לויט דעם מין אדער ציל.

צוליבן דוחק אין געלט-מיטלען האבן זיך אייניקע גמח"ים אין דער צייט פארמאכט און אין דער רשימה זיינען זיי שוין ניט אריין, ווייל די לוים האבן איינמאל ניט געהאט וואס אפצוגעבן און קיין אנדערע געלטער זיינען ניט צוגעפלאסן. איינער פון די פארמאכטע גמ"ח'ן, דער גמ"ח פון די בעקער (ע"ש וואלק), האט זיך ווידער געעפנט א דאנק אן ארעמען יידן, וואס לעבט אליין אין דחקות און זיין גאנצן פארדינסט צעטיילט ער אויף צדקה בסתר. ער האט אויף דעם גמ"ח מנדב געווען עטלעכע הונדערט זלאט און אים צוריק געעפנט.

חייקל לונסקי.

---

*) „לזכרון עד עולם ע"י נדבת האשה הצנועה מרת ליפשה בת ר' משה מרדכי, אשר נדבה ברצונה הטוב א ביינטעלע פערל עם א פאר אויירינגלעך עם ארבעה פינגערלעך על גמ"ח של האשה דבורה-אסתר על אופנים אלה: היינו לאחר כמה שנים לומר קדיש כל השנה גם אמ"ר כ"ה, גם לכתוב בפנקס היאר-צייט".

„להיות לזכרון עד עולם ע"י נדבת האשה יוכבד בת ר' העשיל, אשר נדבה ברצונה הטוב א פאר אויירינגלעך דימענטענע, גם בעכער של כסף לקידוש ולהבדלה, יום א' כסלו תרנ"ג" וכו'.

*) די צענטראלע איז נאך דעם, ווי עס איז אנגעקומען א נעגאטיווע תשובה פון ד. ר. ק., בטל געווארן.

*) די רשימה פון די נעמען פון די גמח"ים האט מיר געגעבן ה' וואולק, דער רעפערענט פאר יידישע ענינים אין סטאראסטווע, די איבעריקע ידיעות — די גבאים פון די גמח"ים, פאר וואס איך דריק זיי אויס אלעמען מיין טיפסטן דאנק.

מ. שאַליט

קולטורעלע טעטיקייט

1. די ערשטע פּרינציפּן. גלייך ביים אָנהויב פון זיין אַרבעט אין יאָר 1919 האָט דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּא“ אין ווילנע זיך געשטעלט די אויפגאַבע פון אַ ברייטערער קולטורעלער טעטיקייט דערהויפּט אויף דער פּראָווינץ. אינמיטן די שלאַכטן און מהומות איז צוגלייך מיט דער עלעמענטאַרער און זעלבסטפאַרשטענדלעכער זאָרג וועגן דערהאַלטונג און דערנערונג אויך געטראַכט און געטאָן געוואָרן וועגן די גייסטיקע באַדערפעניש. אין דעם רעפעראַט וועגן די „אַלגעמיינע יסודות פון הילף“, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן פון דעם שרייבער פון די שורות אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּא“, דעם 9-טן סעפּטעמבער 1919, איז די פראַגע פאָרמולירט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן:

„איינציקע פאָדערן, אַז דאָס גאַנצע געלט זאָל אויסגעגעבן ווערן נאָר אויף דערנערונג, ווייל זיי האַלטן, אַז קודם כל מוז מען מאַכן זאָט די נויטליידנדע און ערשט שפּעטער וועט מען קענען זאָרגן פאַר אַנדערע זאַכן. דאָס איז די אָזויגערופענע ברויט- און קאַרטאָפל-פּסיכאָלאָגיע, וועלכע האָט זיך געבילדעט אין דער צייט פון קריג. אָבער דער גאַנג פון דער אַרבעט האָט באַוויזן, אַז ס'מוז פיל געטאָן ווערן אויך אויפן באַדן פון פּראָדוקטיווער הילף, ווי הלוואות, קאָאָפּעראַטיוון, ערד-אַרבעט; ס'מוז אויך געגעבן ווערן מעדיצינישע הילף. און, ענדלעך, מוז מען אַוועקשטעלן אויף דער נויטיקער הייך די שול-ענינים, כדי די דערציאונג פון אונזערע קינדער, אונזער קינפטיקן דור, זאָל ניט ווערן פאַרוואַרלאָזט. די דערציאונגס-פּראָבלעם דאַרף זיין איינע פון די וויכטיקסטע. ס'איז אונזער מאָראַלישער חוב צו זאָרגן, אַז אונזער נייער דור זאָל ניט איבערגעלאָזן ווערן אויף הפקר. די קאָנפערענץ דאַרף אָבער ניט אָננעמען קיין שום באַשלוס וועגן דעם טיפּ שולן, יידישע אָדער העברעאישע. די דאָזיקע פראַגע וועט געוויס אַרויסרופן גרויסע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן. זי דאַרף אָנטשיידן ווערן פון יעדער קהילה באַזונדער. די דעמאָקראַטישע קהילות דאַרפן אַליין זאָרגן וועגן דעם טיפּ פון דער שול, וועלכע זאָל געעפנט ווערן. יעדע קהילה באַשליסט די דאָזיקע פראַגע אויף איר אייגענער אחריות“.

כדי דורכצופירן אין לעבן די אָנגעמערקטע אויפגאַבן אויפן קולטורעלן געביט איז פון דער קאָנפערענץ באַשלאָסן געוואָרן, אַז אויף שול-ענינים דאַרפן פאַרווענדעט ווערן 20 פּראָצענט פון בודזשעט, וואָס די שטעטלעך באַקומען פון „יעקאָפּא“

בנוגע דער פּראָגראַם פון די שולן איז אין משך פון דער צייט איינגעשטעלט געוואָרן אַ מין מינימום-פּראָגראַם, וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין יעדער שול, וואָס מוז זיין אַ געזעלשאַפטלעכע, דאַרפן געלערנט ווערן יידיש, העברעאיש און אַלגעמיינע לימודים. די ריכטונג פון דער שול און די דעטאַליזירונג פון איר פּראָגראַם האָבן געהערט צו די קהילות און קאָמיטעטן אויף די ערטער צוזאַמען מיט די געהעריקע פּעדאַגאָגישע ראַטן אָדער אָרטיקע בילדונגס-קאָמיסיעס אין זין פון די פּרינציפּן, וואָס זיינען אָנגעמערקט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ.

קיינע שום קאָנפליקטן האָט „יעקאָפּאָ“ אויף דעם דאָזיקן זייער איידעלן געביט קיינמאָל ניט געהאַט און אַלע ריכטונגען האָבן זיך געפילט אָביעקטיוו-גלייך באַהאַנדלט און באַפרידיקט פון דעם צענטער.

2. די אַנטוויקלונג פון דער שול-נעץ. אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געפינען אין טעטיקייטס-ראַיאָן פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּא“, האָבן זיך זייער שנעל געעפנט יידישע פאָלקס-שולן אויף די אויבן-פאָרמולירטע יסודות. די אַלע שולן זיינען רעגלמעסיק סובסידירט געוואָרן פון „יעקאָפּא“ דורך די אָרטיקע קהילות אָדער קאָמיטעטן, וועלכע פלעגן באַקומען פון „יעקאָפּא“ אויף זייערע אַלגעמיינע בודזשעטן פּינקטלעך יעדן חודש די באַטרעפנדע סובווענצן, איינגעטיילטע פּראָצענטועל לויט די מינים פון דער אַרבעט, בתוכם אויך פאַר די שולן און קולטורעלע ענינים. די שולן, צוגלייך מיט אַלע איבעריקע מוסדים אין די שטעטלעך, פלעגן רעווידירט ווערן דורך די באַפולמעכטיקטע פון „יעקאָפּא“.

אַזוי איז געגאַנגען די אַרבעט אין די צוויי יאָר 1919—1921. אין משך פון אָט דעם פּעריאָד איז די גאַנצע ווילנער און נאָוואָגרודקער פּראָווינץ באַדעקט געוואָרן מיט אַ נעץ פון מער ווי 100 יידישע פאָלקס-שולן, וואו ס'האָבן זיך געלערנט איבער 10.000 קינדער. ס'איז כמעט ניט איבערגעבליבן קיין איין פּונקט פון „יעקאָפּא“-ראַיאָן, אַ קלענערער צי אַ גרעסערער, וואו ס'האָט זיך ניט געגרינדעט קיין יידישע פאָלקס-שול.

3. דער לערער-צוזאַמענפאָר. דעם 1-3 אַפּריל 1921 האָט „יעקאָפּא“ צונויפגערופן אין ווילנע אַ קאָנפערענץ פון די פּראָווינציעלע לערער, — דעם ערשטן גרעסערן בילדונגס-צוזאַמענפאָר אין געגנט.

דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט דעם צוועק, חוץ די באַריכטן וועגן דעם מצב פון די שולן אויף די ערטער, צו ענדערן דעם ביז-איצטיקן אופן פון סובסידירן און אָנפירן מיט די שולן בהסכם מיט די נייע באַדינגונגען פון דער אַרבעט און די מער-בולטע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך אין משך פון דער צייט אויסגעבילדעט אויפן שול-געביט.

די ערשטע צוויי יאָר, אין כאָאָס און נערודער פון שלאַכטן און מהומות, האָט „יעקאָפּא“ פעסט איינגעהאַלטן די פּאָזיציע פון קולטור-טעטיקייט אין אַלגעמיינעם און ברייטערן זין פון וואָרט, שטיצנדיק (און גרינדנדיק) אַלע יידישע פאָלקס-שולן פון אַלע ריכטונגען, אָן אויסנאַם, אויף וויפיל זיי זיינען נאָר געווען געזעלשאַפטלעכע און האָבן באַפרידיקט די עלעמענטאַרסטע פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען. ס'איז ניט געווען ניט קיין צייט און ניט קיין מעגלעכקייט צו אויסשטיילן שול-פראַגן, צו דיפערענצירן, צו ציען די אָדער אַנדערע שאַרפערע ליניע און ריכטונג. דאָס איז אויך ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין די אויפגאַבע פון „יעקאָפּא“, וואָס איז קודם כל געווען אַ הילפס-קאָמיטעט פאַר אַלעמען גלייך. דאָס איינציקע און העכסטע, וואָס האָט געקאָנט דערגרייכט ווערן, זיינען געווען די פּרינציפּן און יסודות פון דער אַרבעט און פּראָגראַם, וועלכע זיינען אויבן כאַראַקטעריזירט געוואָרן.

און די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז געווען — וואָס מער קינדער אַריינגעמען אין די שולן, וואָס מער קינדער פאַרהיטן פון דער גאַס, קיין קינד ניט איבערלאָזן אויף הפקר!

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען די זאַך צווישן די שול-טוער גופא. דאָ זיינען געוואָרן אַלץ בולטער די פאַרשיידענע ריכטונגען הן אין אינהאַלט והן אין דער שפּראַך. פון איין זייט וועלטלעכקייט און רעליגיעזע באַדערפעניש, פון דער צווייטער זייט — יידיש און העברעאיש. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויס-

בילדן פאַרשיידענע צענטראַלעס לויט די באַטרעפנדע ריכטונגען. די ערשטע האָבן זיך אויסגעטיילט די רעליגיעזע שולן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון אַזוינערופֿענעם „ועד העזרה". אַ טייל פון די רעליגיעזע שולן, אַזוי צו זאָגן רעליגיעז־נאַציאָנאַלע (מזרחי), האָבן זיך פאַראייניקט אונטער דעם „ועד המאוחד". אויף די יידיש־וועלטלעכע שולן האָט געוואָרט די „יידישע שול־אָרגאַניזאַציע" און אויף די העברעאישע — „תרבות". אינמיטן פון די מער בולטע ריכטונגען זיינען געשטאַנען שולן מיט געמישטע פּראָגראַמען און געמישטע אונטערריכטס־שפּראַכן, מער נאַציאָנאַלע אָדער מער רעליגיעזע. און אויך אַ גאַנצע ריי אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט צושטיין צו קיין איינער פון די נייגעגרינדעטע צענטראַלעס (אייניקע אַזוינע שולן זיינען טאָקע פאַרבליבן זעלבסטשטענדיק, ניט אָנשליסנדיק זיך צו קיין שום בילדונגס־צענטראַלע), ווייל זיי האָבן ווייטער געפירט די נייטראַלע ליניע פון אַן אַלגעמיין־שטעטלשער שול מיט אַ געמעסיקטער און אַזוי צו זאָגן מיטעלער ריכטונג און פּראָגראַם פון למודים, וואָס האָט באַפרידיקט די ווייט־גרעסטע מערהייט עלטערן פון דער געהעריקער שטעטל.

בכלל איז אין די קלענערע שטעטלעך ניט געווען אַזוי מעגלעך פונאַנדערצוטיילן זיך לויט ריכטונגען און אויך די פּראָגראַם פון די שולן האָט גאָרניט געקאָנט זיין קיין אויסגעהאַלטענע.

צום מאָמענט פון צוזאַמענפאָר האָבן כמעט אַלע 100 פאָלקס־שולן געהאַט אַלס אונטערריכטס־שפּראַך יידיש (אין אַ ריי פון זיי געמישט—יידיש און העברעאיש), אומעטום האָט מען געלערנט חוץ יידיש—העברעאיש און תנ"ך, ווי אויך אַלגעמיינע לימודים אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס. אין דעם גרעסטן טייל שולן איז די ריכטונג געווען אַ נאַציאָנאַלע אָדער נאַציאָנאַל־וועלטלעכע. אין אַ טייל שולן — אַ בולט רעליגיעזע.

גלייכצייטיק האָט זיך אויך אין אַמעריקע די הילפס־אַרבעט בנוגע די שולן פונאַנדערגעטיילט לויט געוויסע ריכטונגען. די אַמעריקאַנער הילפס־געלטער אויף קולטור האָבן אויפגעהערט צו גיין אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון רעליעף, שטיצע אָדער תמיכה. די באַזונדערע קאָמיטעטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט און האָבן צונויפגעשטעלט דעם אַלגעמיינעם „דזשוינט" (ד. ד. ק.), האָבן אָנגעהויבן צו שטיצן יעדערער באַזונדער זיינע שולן און זיין ריכטונג: דער „צענטראַל־רעליעף" — די רעליגיעזע און רעליגיעז־נאַציאָנאַלע שולן און דער „פּיפּל־רעליעף" — די יידיש־וועלטלעכע שולן. די העברעאישע שולן האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדערן רעליעף, — און פלעגן באַקומען שטיצע פון צייט צו צייט פון אַמעריקאַנער יידישן הילפס־קאָמיטעט.

מיט דעם צוזאַמענפאָר האָט „יעקאָפּאָ" אַלזאָ געהאַט, חוץ אַלעמען, דעם ספּעציעלן ציל איבערצוגעבן די שולן די געהעריקע בילדונגס־צענטראַלעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען און צייטיק געוואָרן און וואָס האָבן אויך אָנגעהויבן צו באַקומען דירעקט די אַמעריקאַנער שטיצע.

אויפן צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 52 דעלעגאַטן, פון זיי 32 לערער פון דער פּראָווינץ מיט באַשטימונגס־רעכט (די איבעריקע זיינען געווען מיט באַראַטונגס־רעכט: 12 לערער אַלס פאָרשטייער פון די ווילנער צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציעס און בילדונגס־צענטראַלעס און 8 פאָרשטייער פון די פּראָווינציעלע ביבליאָטעקן און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס). פאַקטיש האָבן די דעלעגאַטן־לערער אויך אויסגעדריקט די מיינונג פון זייערע קהילות אָדער קאָמיטעטן און פון די עלטערן.

נאָך די באַגריסונגען (מיט אַ פּראָגראַמאַטישן כאַראַקטער) זיינען געהאַלטן געוואָרן 1 רעפעראַט און 2 באַריכטן מצד „יעקאָפּאָ" (מ. שאַליט, י. וואַלק און א. קליאַנסקי) און 24 באַריכטן פון די ערטער. דערנאָך איז מען צוגעטראָטן צו די רעזאָלוציעס.

בנוגע דער שול־טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ" האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„אָנערקענענדיק די וויכטיקע אַרבעט, וואָס „יעקאָפּאָ" האָט דורכגעפירט ביים מיטהעלפן די אָרטיקע כוחות אויפצושטעלן און אויפצובויען די יידישע פאָלקס־שול אין דער צורואינירטער און פאַרוויסטעטער פּראָווינץ, דריקט אויס די קאָנפערענץ פון די לערער — די אַלע דירעקטע אַרבעטער און שאַפער פון די שולן — דעם געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" זיין וואַרימען דאַנק".

וועגן די רעזאָלוציעס בנוגע דער ווייטערדיקער שול־טאַקטיק און פּראָגראַם פון די לימודים האָט מען זיך ניט געקענט צונויפריידן -- און דאָס איז אויך ניט געווען דער צוועק פון דער קאָנפערענץ, — און דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרענדיקט מיט באַזונדערע באַראַטונגען פון די העברעאיסטן און יידישיסטן (די רעליגיעזע שולן, ווי אויבנדערמאָנט, וועלכע האָבן זיך נאָך פריער אויסגעטיילט, האָבן, נאַטירלעך, אויפן צוזאַמענפאָר קיין דעלעגאַטן ניט געהאַט), — די ערשטע האָבן געהאַט 21 דעלעגאַטן און די צווייטע—11, -- וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין ספּעציעלע ביוראָען פאַר דער פּראָווינץ.

דערמיט זיינען די שולן,—נאָך אַ צוויי־יאָריקער נייטראַלער שול־טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ", — אַריבער הן פּראָגראַמאַטיש והן מאַטעריעל צו די געהעריקע בילדונגס־צענטראַלעס מיט בולטע ריכטונגען.

אין משך פון אַ לענגערער צייט שוין נאָך דעם צוזאַמענפאָר האָבן אַ גאַנצע ריי שולן געשיקט ווענדונגען אין „יעקאָפּאָ", אַז זיי ווילן פאַרבלייבן ביים אַלטן סדר, אָבער דאָס איז שוין געווען אוממעגלעך. פאַקטיש, אָבער, האָט נאָך „יעקאָפּאָ" אַ געוויסע צייט געשטיצט אין אַ ריי פאַלן די שולן, ביז וואַנען זיי זיינען ניט אַנטגילטיק אַריבער צו דער נייער אָרדענונג.

4. די פּעדאַגאָגישע קורסן.

כדי אויסצובילדן די געהעריקע לערער פאַר די ניי־אַנטשטאַנענע יידישע און יידיש־העברעאישע פאָלקסשולן האָט „יעקאָפּאָ" צוזאַמען מיט דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון דער ווילנער קהילה געגרינדעט יידישע פּעדאַגאָגישע קורסן, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אין דעם מין.

די קורסן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1919 און זיינען פאַרענדיקט געוואָרן אין די זומער־חדשים פון יאָר 1921. די קורסן, וועלכע זיינען געווען לכתחילה אויסגערעכנט אויף אַ קירצערן טערמין, האָבן זיך אין פּראָצעס פון דער אַרבעט שטאַרק אַנטוויקלט און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צוויי־יאָריקע פּעדאַגאָגישע קורסן מיט אַ ברייטער פּראָגראַם.

די אויסהאַלטונג פון די קורסן האָבן גענומען אויף זיך, העלפט אויף העלפט, דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" און די ווילנער קהילה (פאַקטיש האָט „יעקאָפּאָ" געצאָלט די גרעסערע העלפט), אָבער אין לעצטן יאָר — 1921 — האָט די קהילה אויפגעהערט אַריינצוטראָגן איר טייל און דער ביודזשעט איז ווייטער געדעקט געוואָרן פון קאָמיטעט „יעקאָפּאָ", וועלכער האָט אויך דערפירט די קורסן צו אַן ערפאָלגרייכן סוף. חוץ דעם האָט נאָך „יעקאָפּאָ" געהאַט ספּעציעלע אויסגאַבן אויף די צוהערער פון פּראָווינץ, וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן סובסידיעס און אויף קולטורעלע איינריכטונגען ביי די קורסן, ווי די ביבליאָטעק און אַנדערעס.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

די יסודות פון ארגאניזירן די קורסן און באווארענען די אינטערעסן פון די פראווינציעלע צוהערער זיינען אנגענומען געווארן אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיווע פון „יעקאפא" דעם 20 נאוועמבער 1919. דעם שרייבער פון די שורות איז איבערגעגעבן געווארן צו אונטערהאנדלען מיט דעם פארוואלטער פון דער בילדונגס-אפטיילונג פון קהילה ד"ר יוסף בערגער וועגן פראגראם און כאראקטער פון די קורסן, ווי אויך צונויפצורופן צו דעם צוועק באראטונגען מיט די לערער.

די געמיינזאמע אונטערהאנדלונגען האבן געבראכט צו א הסכם בנוגע די פראגראמאטישע און ארגאניזאציאנעלע פונקטן און ס'איז אויך געבילדעט געווארן א ספעציעלע קאמיסיע פון פארשטייער פון „יעקאפא", קהילה, בילדונגס-צענטראלעס און לערער-געזעלשאפטן אויף אויסצוארבעטן דעם לערנפלאן. אז אלע הכנות זיינען דורכגעפירט געווארן, האבן זיך די קורסן געעפנט און אנגעהויבן צו פונקציאנירן אין דער ערשטער העלפט יאנואר 1920. דער ארויסלאז פון די קורסן (מיט אטעסטאטן) איז געווען אנהייב יוני 1921. דער פארוואלטער פון די קורסן איז געווען דער לערער ל. טורבאוויטש, די פארוואלטונג איז באשטאנען פון פארטרעטער פון „יעקאפא" און קהילה (צו 3), ווי אויך פון די לערער-געזעלשאפטן (צו 1) און פון לעקטארן-ראט (2).

א באזונדערע אכט איז געלייגט געווארן אויף די מעגלעכקייטן, אז די קורסן זאלן קענען באזוכן צוהערער פון פראווינץ און אז די פראווינציעלע שולן זאלן קענען באקומען פון די קורסן די געהעריקע לערער.

די ביידע פונקטן זיינען געווען באזונדערס וויכטיק פאר „יעקאפא", ווייל זי האט קודם-כל געהאט אין זינען די שנעלע פארשפרייטונג פון דער יידישער שול-נעץ אויף דער פראווינץ און האט געשטרעבט אויסצובילדן די פאסיקסטע לערערשע קרעפטן פאר די פראווינציעלע שולן, וועלכע זי האט געגרינדעט און געשטיצט און וועלכע זיינען געווען דער דרינגנדסטער און וויכטיקסטער געבאט פון יענע תהו ובהו-צייטן.

אין דעם זייער געניטעם שריפטלעכן באריכט, וואס דער פארוואלטער פון די קורסן ל. טורבאוויטש האט צוגעשטעלט דעם קאמיטעט „יעקאפא" פאר די צייט פון 15 פעברואר ביז 12 יוני 1920, ווערט וועגן דעם געזאגט פאלגנדעס:

„צווישן די צוהערער געפינען זיך א באדייטנדיקע צאל נויטבאדערפטיקע, אין א באזונדערס שווערער לאגע האבן זיך געפונען די קורסיסטן פון דער פראווינץ, דער גרעסטער טייל פון וועלכע האט ניט געקאנט באקומען קיין שטיצע פון דער היים און האט אויך ניט געהאט קיין באשעפטיקונג אין שטאט. פארזארגן די פראווינציעלע קורסיסטן מיט מאטעריעלע הילף אין פארשיידענע פארמען האט גענומען אויף זיך דער געגנט קאמיטעט „יעקאפא", וועלכער גיט ארויס די פראווינציעלע קורסיסטן מאנאטלעכע סובסידיעס. די סובסידיעס האבן די גרעסטע באדייטונג פאר דער ארבעט פון די פראווינציעלע קורסיסטן, געבנדיק זיי די מעגלעכקייט איינגאנצן זיך אפגעבן זייער דירעקטער ארבעט, צוליב וועלכער זיי זיינען געקומען אין שטאט".

„כדי צו באפרידיקן די דרינגנדיקע באדערפעניש פון דער פראווינץ איז שוין אין דעם ערשטן יאר אויסגעשטעלט געווארן, בהסכם מיטן באשלוס פון לעקטארן-ראט, א גרופע פון 20—25 צוהערער, וועלכע זאלן קענען ארויסגעלאזט ווערן אין הארבסט 1920".

די צוהערער אויף די קורסן פלעגן צוגענומען ווערן מיט א געוויסן (מיטעלן) בילדונגס-צענז אדער זיי פלעגן עקזאמענירט ווערן ביים אנקומען. דער קאנטיגענט צוהערער איז געווען א גרויסער און די קורסן האבן געהאט א באדייטנדיקן ערפאלג.

פון דעם אויבן-אנגערופענעם באריכט איז קענטיק, אז די קורסן האבן זיך זייער גוט אנטוויקלט. זיי האבן געהאט צוויי אפטיילונגען (פאר רעאלע און פאר נאציאנאל-הומאניטארע למודים), אויף וועלכע ס'האבן זיך געלערנט 139 צוהערער, פון זיי 50 מענער און 89 פרויען. צוהערער פון פראווינץ, וואס זיינען ספעציעל געקומען פון די שטעטלעך, זיינען געווען 25. געלערנט אויף די קורסן האט מען פאלגנדיקע געגנשטאנדן: פסיכאלאגיע, פעדאגאגיק, היגיענע, צייכענען, געזאנג, גימנאסטיק, האנטארבעט, פויליש (אבליגאטארישע למודים פאר ביידע אפטיילונגען); אנאטאמיע, פיזיאלאגיע, כעמיע, פיזיק, פראפעדעווטישע געאמעטריע, געאגראפיע, מעטאדיק פון אריפמעטיק און אלגעברע, באטאניק, יידיש, העברעאיש, יידישע געשיכטע (אפטיילונג פאר רעאלע למודים); יידיש, יידישע שפראך-וויסנשאפט, העברעאיש, תנ"ך, יידישע געשיכטע, אלגעמיינע געשיכטע, מאטעמאטיק, נאטורוויסנשאפט (אפטיילונג פאר נאציאנאל-הומאניטארע למודים). די צאל שעה'ן און די גרויס פון קורס זיינען געווען צונעפאסט צו די באטרעפנדיקע אפטיילונגען. די אונטערריכטס-שפראך אויף ביידע אפטיילונגען און פאר אלע למודים איז געווען יידיש. אלס אויסנאם, זיינען די העברעאישע למודים און יידישע געשיכטע, דערהויפט אויף דער נאציאנאל-הומאניטארער אפטיילונג, טיילמאל געלערנט געווארן אויף העברעאיש.

חוץ די טעארעטישע למודים פלעגן דורכגעפירט ווערן פראקטישע ארבעטן. ספעציעל פעדאגאגיש-פראקטישע ארבעטן פלעגן די צוהערער דורכגיין אין די ווילנער יידישע פאלקסשולן און מיטלשולן. וועגן דעם ווערט דערציילט אין דערמאנטן באריכט פאלגנדעס:

„פון צייט צו צייט פלעגן די פראקטיקאנטן געבן פראבע-לעקציעס אויף דעם אדער יענעם למוד און נאך אייניקע אזוינע לעקציעס זיינען א גאנצע ריי פראקטיקאנטן צוגעצויגן געווארן דורך די פעדאגאגישע ראטן פון די שולן צו רעגולערע לעקציעס. בכלל דארף ווערן קאנסטאטירט, אז די פראקטיקאנטן האבן זיך ארויסגעוויזן אויף אזוי פיל ארבעטספעאיק, אז די פעדאגאגישע ראטן האבן געפונען פאר מעגלעך צוצוציען זיי צום גאנצן אינערלעכן לעבן פון די שולן און זיך באנוצן מיט זייער הילף אין דער ברייטסטער מאס".

אזוינע פראקטיקאנטן האבן די קורסן געגעבן שוין אין ערשטן יאר 51.

חוץ דעם זיינען אין דער צייט פון די זומער-קאלאניעס א גאנצע ריי צוהערער צוגעצויגן געווארן צו דער ארבעט אויף די שפיל-פלעצער און אין די זומער-קאלאניעס.

פון 20 אוגוסט ביז 1 סעפטעמבער 1920 איז פארגעקומען א נייער אויפנאם פון צוהערער לויט נייע פאדערונגען. אויך די פראגראם פון די קורסן איז פארפולקאמט און אנדערש איינגעטיילט געווארן.

די קורסן האבן ערפילט זייער אויפגאבע בשלימות. די קורסן האבן געענדיקט 75 צוהערער (פון זיי 21 פון פראווינץ), פון וועלכע איבער 50 זיינען פארבליבן לערער און טרייע טוער אין די שולן. פונקט ווי די שולן גופא אזוי אויך די פעדאגאגישע קורסן זיינען געווען נאך דער מלחמה די ערשטע בילדונגס-אנשטאלטן אויף דער אייגענער שפראך, וואס האבן געלייגט דעם יסוד פאר דער גאנצער ווייטערדיקער קולטור-טעטיקייט.

צווישן די לעקטארן פון די קורסן האבן זיך געפונען: ש. אייזיקאוו, מ. אליצקי, י. ד. גארדאן, י. גיליגיטש, י. גערשטיין, ח. א. חזן, ל. טורבאוויטש, ש. ידידאוויטש, ד"ר ח. ייבין, ל. לא-

זאָווסקי, ב. ליבאָצקי, ד. ליבאָצקי, ד״ר מ. לעווין, א. לעווין, ל. מירסקי, מ. י. נאַדעל, מ. סאָלאָווײ, מ. סעניצקי, י. פאַט, גאָלדע פאַך, ג. פלודערמאַכער, י. צעמעל, א. טשאַסטראָוו, י. רובין, ז. רייזען, ד״ר י. רעגנסבורג, מ. שאָליט, ראָזע סימכאָוויטש, די קינסטלער ב. זאַלקינד, כ. לייבאָווסקי, מ. קאָדקין, י. שער א. א.

א גרעסערן אַרטיקל וועגן די קורסן האָט דער צוהערער פון די קורסן ל. ברודנאָ אָפגעדרוקט אין פנקס פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט (ווילנע, 1922).

5. פרעבל-קורסן, שפילפלעצער-קורסן, קורסן פאַר קאָאָפעראַציע און פאָליטעכנישע קורסן. גלייכצייטיק האָט „יעקאָפאָ" אויך געזאָרגט וועגן די איבעריקע צווייגן פון דער קולטור-טעטיקייט, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן אויסבילדן אַ קאַדר טוער אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט און אויפן שול-געביט. די פעדאַגאָגישע קורסן האָבן געהאַט דעם צוועק אויסצובילדן לערער פאַר די יידישע שולן, ס'האָבן אָבער אויך געפעלט לערער און דערציער פאַר די קינדער-גערטנער, זומער-קאָלאָניעס, שפיל-פלעצער און יתומים-הייזער, וואָס האָבן זיך געעפנט אָדער וואָס „יעקאָפאָ" האָט זיי געשטיצט, דערהויפט אויף דער פראָווינץ.

אויב די פעדאַגאָגישע קורסן האָט „יעקאָפאָ" געגרינדעט און געפירט צוזאַמען מיט דער בילדונגס-אָפטיילונג פון דער ווילנער קהילה האָט זי די פרעבל-קורסן געשטיצט צוזאַמען מיטן צ. ב. ק. (צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט) און „אָזע". דעם ביודזשעט פון די קורסן האָבן געדעקט די אַלע דריי געזעלשאַפטן, אָבער „יעקאָפאָ" האָט נאָך חוץ דעם געגעבן, ווי ביי די פעדאַגאָגישע קורסן, אַ ריי ספעציעלע סובסידיעס. די פאַרוואַלטערינס פון די קורסן זיינען געווען ראָזע סימכאָוויטש און מ. א. אָקון. אין דער פאַרוואַלטונג זיינען אַריין פאַרשטייער פון אַלע דריי געזעלשאַפטן. די קורסן האָבן פונקציאָנירט 2 יאָר (1920—1921) און האָבן דערגרייכט זייער צוועק, אַרויסלאָזנדיק 40 (פון 46) צוהערערינס, פון וועלכע 31 זיינען אַוועק אַרבעטן אין די אַנשטאַלטן, אַ טייל אויף דער פראָווינץ, אַלס צוגעגרייטע דערציערינס און פרעבעליסטינס. ביי די קורסן האָבן זיך אויך געפונען קורצטערמיניקע קורסן (צוויי-חדשים'דיקע) פון שפיל-פלעצער. 16 צוהערער און צוהערערינס זיינען גלייך נאָכן פאַרענדיקן די קורסן אָפגעשיקט געוואָרן פון „יעקאָפאָ" אין פראָווינץ אַ טייל פאַר די דאָרטיקע אַנשטאַלטן און אַ טייל אויף זומער-אַרבעטן. אויך די נויטיקע מכשירים און שפילצייג האָט „יעקאָפאָ" באַזאָרגט.

די קורסן פאַר קאָאָפעראַציע האָט „יעקאָפאָ" געגרינדעט און אינגאַנצן אויסגעהאַלטן (אין זעלבן יאָר 1920) מיטן ציל צוצוגרייטן די נויטיקע טוער פאַר די קאָאָפעראַטיווע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן (קרעדיט-, איינקויף-, קאָנסום- און פראָדוציר-קאָאָפעראַציע), וועלכע זי האָט געשאַפן. דער פאַרוואַלטער פון די קורסן איז געווען אינזשיניער י. אָקון. די קורסן האָבן געדויערט 4 חדשים. פאַרשריבן זיינען געווען 60 צוהערער, געענדיקט האָבן 15.

די פאָליטעכנישע קורסן זיינען געווען אַ המשך פון די טעכנישע קורסן, וואָס די חברה „מפיצי השׂכלה" אין ווילנע האָט געגרינדעט נאָך אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופאַציע. אין יאָר 1919 זיינען זיי באַנייט געוואָרן אונטער פאַרשיידענע נעמען און סובסידירט געוואָרן פון קהילה און פון דעם אַזויגערופענעם פאַראייניקטן קאָמיטעט פאַר פראָדוקטיווע הילף, וועלכער איז באַשטאַנען פון פאַרטרעטער פון „יעקאָפאָ", קהילה, „אָרט" א. א. שפעטער זיינען די קורסן פאַרברייטערט געוואָרן און באַקומען דעם נאָמען פאָליטעכנישע. זיי האָבן געהאַט דעם צוועק אויסצובילדן קוואַליפיצירטע טעכניקער און בוי-אַרבעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויפריכטונג פון דער געגנט נאָך די מלחמה-געשעענישן. „יעקאָפאָ" האָט די קורסן אַ לענגערע צייט (אין די יאָרן 1919—1921) סובסידירט און צוזאַמען מיט „אָרט", צו וועמען זיי זיינען אַריבער, האָט זי זיך באַטייליקט אין זייער פאַרוואַלטונג און אָנפירונג.

6. די אַנטאָקאָלער שול. די דאָזיקע שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דער חברה „מפיצי השׂכלה" אין ווילנע אין יאָר 1916, איז פון „יעקאָפאָ" צוזאַמען מיטן צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט אין ווילנע אין יאָר 1920 רעסטאַווּרירט געוואָרן אַלס פיר-קלאַסיקע פאָלקס-שול מיט דעם צוועק, אַז די קינדער פון צענטראַלן „יעקאָפאָ"-אינטערנאַט, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער ווילנער פאָרשטאָט אַנטאָקאָל, זאָלן זיך דאָרט לערנען (ז. אויבן, זייטן 207—216). „יעקאָפאָ" האָט גרינטלעך רעמאָנטירט דעם בנין פון דער שול און האָט געדעקט דעם גרעסטן טייל פון איר ביודזשעט. אין נאָוועמבער 1920 האָבן זיך געלערנט אין דער שול 126 קינדער, פון זיי 70 קינדער פון „יעקאָפאָ"-אינטערנאַט. נאָכן שליסן זיך פון אינטערנאַט אין יאָר 1922 איז די שול רעדוצירט געוואָרן ביז אַ צוויי-קלאַסיקער און אין אַ פאָר יאָר אַרום האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרמאַכט צוליב דעם ניט גענוגנדן קאָנטינגענט קינדער, וואָס אַנטאָקאָל אַליין האָט געקענט געבן.

7. די גרינדונג פון ביבליאָטעקן און די אַנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעקן-נעץ. צוגלייך מיט דער גרינדונג פון די שולן האָט „יעקאָפאָ" אויך אָנגעהויבן אַ ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון ביבליאָטעקוועזן. אין די מאָנאַטלעכע ביודזשעטן, וואָס די שטעטלעך פלעגן באַקומען פון „יעקאָפאָ" פון יאָר 1919 אָן, איז געווען אַ ספעציעלע רובריק פאַר קולטורעלע הילף, וואָס האָט חוץ די שולן אויך כולל געווען די ביבליאָטעקן. אַלע ווענדונגען פון די אָרטיקע טוער אין דער הינזיכט פלעגן דאַן שטענדיק באַפרידיקט ווערן. „יעקאָפאָ" האָט אויך געגעבן די איניציאַטיוו צו גרינדן ביבליאָטעקן אין אַ ריי שטעטלעך, האָט געהאָלפן דורכפירן די לעגאַליזאַציעס און האָט אַרויסגעגעבן די געהעריקע סובסידיעס. צום 1 אַפריל 1921 האָבן שוין עקסיסטירט איבער 50 גוט-פונקציאָנירנדיקע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן אין 50 פונקטן פון פראָווינץ (קיין אַנדערע ביבליאָטעקן חוץ געזעלשאַפטלעכע זיינען אויף דער פראָווינץ בכלל ניט געווען).

די אַרבעט אויפן ביבליאָטעקן-געביט האָט „יעקאָפאָ" אויך געפירט נאָכן איבערגעבן די שולן צו די געהעריקע בילדונגס-צענטראַלעס אין יאָר 1921 און האָט זי אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס פאָרגעזעצט אויך אין די שפעטערדיקע יאָרן. די הויפט-אַרבעט איז נאַטירלעך געווען אין די ערשטע יאָרן 1919—1922, ווען די גאַנצע פראָווינץ איז אַ דאַנק דער מיטהילף פון „יעקאָפאָ" באַדעקט געוואָרן מיט אַ נעץ פון ביבליאָטעקן. שפעטער זיינען בלויז אַרויסגעגעבן געוואָרן איינציקע סובסידיעס פון צייט צו צייט מיט געלט אָדער מיט ביכער און אין איינצלנע פאַלן האָט די הילף ניט אויפגעהערט אין משך פון די גאַנצע 11 יאָר (1919—1930). די הילף איז געווען ניט נאָר אַ מאַטעריעלע, נאָר אויך אַ יורידישע און אַ אינסטרוקטאָרישע.

די ביבליאָטעקן האָבן אין די ערשטע יאָרן געהאַט זייער פיל איבערצולעבן. ניט איין מאָל זיינען זיי חרוב געוואָרן, פאַרברענט אָדער פאַרניכטעט געוואָרן,— און נאָך די מהומות איז זיי אויסגעקומען ווידער און ווידער אויפצובויען און אויסצוריכטן. אין די קליינע שטעטלעך

איז בכלל זייער קיום געווען ניט קיין זיכערער און די גרעסטע מי און ענערגיע האָט דאָ אָפּגעגעבן די יוגנט, וועלכע פלעגט תמיד אָפּהיטן די ביבליאָטעק, פלעגט מאַכן אונטערנעמונגען, שטעלן פּיעסן, פירן דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע קרייזלעך און די הכנסה פון די ספּעקטאַקלען און אָוונטן פלעגט זי אָפּגעבן פאַר דער ביבליאָטעק.

אין יאָר 1925 האָט „יעקאָפּאָ" דורכגעפירט אַ גענויע אַנקעטע צווישן 25 ביבליאָטעקן, דער עיקר אין קלענערע און פאַרוואָרלאָזטע שטעטלעך פון ווילנער פּראָווינץ. די אַנקעטע האָט באַוויזן, אַז אַפילו אין די דאָזיקע, דאָס רוב זייער קליינע פונקטן, עקסיסטירן און אַנטוויקלען זיך ביבליאָטעקן. צוזאַמען האָבן די 25 געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן פאַרמאָגט 17.170 ביכער אויף יידיש, העברעאיש, רוסיש און פּויליש, פון זיי אויף יידיש—11.875 ביכער (69,1 פּראָצ.), העברעאיש—3.395 (19,8 פּראָצ.), רוסיש—1.734 (10,1 פּראָצ.) און פּויליש—166 (1 פּראָצ.„ — שפּעטער איז דער פּראָצענט פון פּוילישע ביכער ביסלעכווייז געוואַקסן און איז אין די ווייטערדיקע יאָרן געוואָרן אַ גאַנץ באַדייטנדיקער). 6 ביבליאָטעקן האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז זייער גרינדונג און עקסיסטענץ האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דערהויפּט „יעקאָפּאָ", אייניקע האָבן זיך פאַררופן אויף די באַקומענע הילף פון זייערע רעליעפן אין אַמעריקע, אַלע האָבן אָבער אָנגעוויזן אויף די איבערגעגעבענע אַרבעט פון דער יוגנט און אויף דאָס לייענגעלט, ערבות-געלט, מיטגלידס אָפּצאָל און אונטערנעמונגען אַלס אויף די וויכטיקסטע מקורים פון זייער הכנסה און קיום.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די הילף פון „יעקאָפּאָ" אויסגעדריקט דער עיקר אין יורידישע אינטערווענצן און סובסידיעס מיט געלט אָדער ביכער ביי באַזונדערס וויכטיקע אָדער אויסעראָרדנטלעכע פאַלן.

8. **דער ביכערלאַגער.** כדי צו באַזאָרגן די שולן און די ביבליאָטעקן, וואָס „יעקאָפּאָ" האָט מיטגעהאָלפן צו שאַפן, מיט ביכער, ווי אויך כדי בכלל צו באַזאָרגן די אַנשטאַלטן מיט אַ צוטריטלעכן יידישן און העברעאישן בוך (און שפּעטער אויך כדי צו נאָרמירן די פּרייזן אויפן ביכערמאַרק און פאַרלייכטערן די באַדינגונגען) האָט דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" געגרינדעט אין יאָר 1920 אַ צענטראַלן ביכערלאַגער, וועלכער איז אין משך פון יאָרן געווען דער איינציקער אין זיין מין, געזעלשאַפטלעכער, גרעסטער אַלגעמיינער יידישער ביכערלאַגער אין געגנט און ווייט איבער די גרעניצן פון געגנט.

דער ביכערלאַגער האָט פאַרמאָגט אַלע וויכטיקסטע יידישע און העברעאישע לייען-ביכער און אויסגאַבן פון אַלע פאַרלאַגן אין דער גאַנצער וועלט, ווי אויך אַלע נויטיקע לערנביכער און מכשירים (אַריינגערעכנט העפטן און שרייבגעצייג) פאַר אַלע שולן און לערנאַנשטאַלטן אָן אונטערשייד פון ריכטונג.

אין די ערשטע יאָרן האָט „יעקאָפּאָ" דורך דעם ביכערלאַגער פרייט סובסידירט אירע דעמאָלטיקע איבער 150 קולטור- און בילדונגס-אַנשטאַלטן, שפּעטער זיינען די סובסידיעס אַרויסגעגעבן געוואָרן דער עיקר פאַר די אַנשטאַלטן אין די צורואינירטע שטעטלעך, דערנאָך נאָר אין ספּעציעלע פאַלן. אין אַ ריי אַנדערע פאַלן האָט דער ביכערלאַגער געגעבן גרעסערע הנחות און ווייטגייענדיקסטע פאַרלייכטערונגען ביים איינקויפן ביכער און מכשירים.

אין יאָר 1924 איז דער ביכערלאַגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט, פאַרבלייבנדיק ווי פריער אונטער דער אָנפירונג פון „יעקאָפּאָ".

דער ביכערלאַגער האָט אויך אַרויסגעגעבן די ערשטע גרויסע מאָדערנע געאָגראַפישע קאַרטעס אויף יידיש און העברעאיש (בשותפות מיטן פאַרלאַג א. ג. סירקין, פאַרפאַרטיקט אין בערלין, פון פאַכמענער; די טעקסטן צונויפגעשטעלט פון ד"ר א. אַלשוואַנגער), אייניקע לערנביכער (בשותפות מיט דער שול-אָרגאַניזאַציע), מעדיצינישע בראָשורן (צוזאַמען מיט „אָזע") א. א.

נאָכן ערפילן זיינע פונקציעס (צום אָנהויב זייער גרויסע און ברייטע, שפּעטער בהסכם מיט די באַדינגונגען — אַלץ קלענערע און שמעלערע) במשך פון 10 יאָר צייט איז דער ביכערלאַגער פון יאָר 1930 אָן ביסלעכווייז ליקווידירט געוואָרן.

9. **סובסידיעס פאַר פאַרשיידענע קולטור-געזעלשאַפטן.** חוץ דער שוין אויבנדערמאָנטער סיסטעמאַטישער און גרעסערער צענטראַלער אַרבעט אויפן געביט פון שולן, קורסן און ביבליאָטעקן האָט „יעקאָפּאָ" אויך מיטגעהאָלפן דער עקסיסטענץ פון אַ ריי אַנדערע קולטורעלע געזעלשאַפטן און אונטערנעמונגען און האָט זיי אַרויסגעגעבן פון צייט צו צייט געוויסע סובווענצן.

אַזוי האָט „יעקאָפּאָ" סובסידירט די שול-אויסשטעלונג ביים קולטורהויז און די טעאַטער-געזעלשאַפט אין ווילנע (אין יאָר 1920); דעם ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פאַראיין און דעם יידישן און העברעאישן לערער-פאַראיינען (אין יאָר 1920, — אין די שפּעטערדיקע יאָרן אייניקע מאָל סובסידיעס און הלוואות); די היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט (אין די ערשטע יאָרן); אויסשטעלונגען פון קינדער-אַרבעט; פאָנד אויפן נאָמען פון שריפטשטעלער א. ווייטער און די ווייטער-מצבה (אין יאָר 1921); אַ גאַנצע ריי סובווענצן צענדליקער איינצלנע קולטור- און בילדונגס-אַנשטאַלטן (אין די יאָרן 1922—1929) א. אַז. וו.

10. **דער זשורנאַל „אונזער הילף".** דעם אייגענעם אָרגאַן פון „יעקאָפּאָ", דעם זשורנאַל „אונזער הילף", איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן (אונטער דער רעדאַקציע פון מ. שאַליט) אויף דעם זיצונג פון עקזעקוטיווע פון געגנט-קאָמיטעט דעם 3 מאַי 1921. דער זשורנאַל האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַלייכטן אַלע פראַגן פון הילף און אויפבוי. דאָס איז געווען דער ערשטער זשורנאַל פאַר אַזוינע צוועקן אויף יידיש.

דעם 2 יוני 1921 (כ"ה אייר תרפ"א) איז אַרויס דער 1—2 (דאָפּלטער) נומער פון זשורנאַל אין דער גרויס פון דריי און אַ האַלבן דרוקבויגן. דער זשורנאַל איז ערשינען אין משך פון 3 יאָר צייט (1921 — 1923) צו 12 נומערן אַ יאָר (איינצלנע אָדער צו אייניקע אין אַ ביכל) אין 14 ביכלעך פאַר די דריי יאָר צייט און 1 ביכל אין יאָר 1924, צוזאַמען 46 דרוקבויגן.

אין די ביכלעך זיינען געדרוקט אַ ריי פּראָגראַמאַטישע אַרטיקלען, מאַטעריאַלן, דאַטן, טאַבעלן, סטאַטיסטיק- און פינאַנץ-באַריכטן וועגן דער אַרבעט פון „יעקאָפּאָ", ווי אויך פון אַן אַלגעמיינעם עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכן ווערט אויף די געביטן פון הילף און אויפבוי.

צווישן די מיטאַרבעטער פון „אונזער הילף" האָבן זיך געפונען: אינזש. י. אַקון, ד"ר י. וויגאָדסקי, י. וואַלק, העשל הורוויטש, אַדוו. י. יאַכוועד, י. כאַרלאַש, אַרכ. ב. ליפּאָווסקי, קאָפּ. ה. מלמד, אַרכ. פ. סמאָרגאַנסקי, אַגר. ח. פייגין, ב. פרוכקין, א. קליאַטסקי, א. קונין, ד"ר צ. שאַבאַד, מ. שאַליט א. א.

חוץ דעם זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדערער ביכל וועגן דער ערשטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" און אייניקע באַריכטן אין בראָשורן.

נאָך דעם, ווי „אונזער הילף" האָט אויפגעהערט צו ערשיינען, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַלס בוך פון 10 יאָריקן יובליי פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע (רעכענענדיק פון יאָר 1919) דעם איצטיקן פּנקס אונטערן נאָמען „אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות".

* * *

מ. שאַליט

פאַרשיידענע מינים הילף

חוץ אויף די גרונט-געביטן פון ייִדישע הילף, היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן, עמיגראַציע, אויפבויאונג פון חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה בנינים, פאָלקס-הייזער, יתומים-פאַרזאָרגונג, גמילות-חסדים-קאַסעס, קולטורעלע טעטיקייט (די באַריכטן וועגן וועלכע ס׳זיינען געבראַכט אויבן) איז דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע געווען טעטיק אויך אויף אַנדערע אַזוי צו זאָגן זייטיקע פאַר אים געביטן פון הילף און אויפבוי, וואָס האָבן אָבער פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין אויפריכטן די געגנט און די ייִדישע באַפעלקערונג און וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן דאָס גאַנצע פּראָגראַם און אינהאַלט פון אַ ריי אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין זעלבשטענדיקע און צענטראַלע געזעלשאַפטן פון אַ גרויסן פאַרנעם. אַזוי האָט „יעקאָפּאָ" פון אָנהייב געפירט אַרבעטן פון שפּעטערדיקן „אָרט" און „אָזע" פון איין זייט און פון קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד און צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק פון דער אַנדער זייט. מיטן אַנטשטיין אָדער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין ווילנע און געגנט (צו וועלכע „יעקאָפּאָ" האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן אָדער אַפילו געגעבן די איניציאַטיוו) האָט „יעקאָפּאָ" זיי איבערגעגעבן די באַטרעפנדע אַרבעטן, פריער פירנדיק די טעטיקייט — די ערשטע יאָרן — מיט זיי צוזאַמען און דורך זיי אין ענגסטן קאָנטאַקט. אַ ריי, ווידער, אַנדערע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן האָט „יעקאָפּאָ" געהאָלפן גרינדן און סובסידירט און איז בכלל געווען דער צענטער, אַרום וועלכן ס׳האָבן זיך דאַן גרופּירט אַלע אינסטיטוציעס פון פּראָדוקטיווער הילף אין ווילנע און אַלע אָן אויסנאַם אַנשטאַלטן און אויפבוען אין געגנט. גלייכצייטיק האָט „יעקאָפּאָ" אויך געפירט די אַקציע פון אינדיווידועלער הילף אין ווילנע און געגנט.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע פאַרשיידענע מינים הילף, וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ".

1. **קאָאָפּעראַציע, קרעדיט, געברויך, פּראָדוציר, איינקויף.** די אַרבעט האָט „יעקאָפּאָ" אָנגעהויבן צו פירן שוין אין דעם ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ צווישן די אומזיכערסטע און אומגינסטיקסטע באַדינגונגען. אין דער סובווענץ, וואָס איז געגעבן געוואָרן די שטעטלשע קאָמיטעטן, האָט זיך אויך געפונען אַ טייל אויף פּראָדוקטיווע הילף, וואָס האָט אין דער ערשטער ריי בכלל געווען אַלערליי קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, אָנהייבנדיק פון געזעלשאַפטלעכע בעקערייען און ענדיקנדיק מיט פאָלקסבענק, אָדער קרעדיט-אינסטיטוציעס, ווי גמילות-חסדים-קאַסעס א. א. (ז. אויבן זייטן 304—305). די טעטיקייט האָט אַרומגענומען אַלע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע. ס׳זיינען געגרינדעט געוואָרן ניט נאָר קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון (פאָלקסבענק, ליי- און שפּאָר-קאַסעס), נאָר אויך געברויכס-קאָאָפּעראַציון, איינקויפס-קאָאָפּעראַטיוון און פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון, אין אַ פּאָר ערטער אויך לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציון.

שוין דעם 25 מאַי 1919 איז אויף אַ פּלענאַרער זיצונג פון „יעקאָפּאָ" באַשלאָסן געוואָרן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער באַנק (ערשטע ליי- און שפּאָר-קאַסע) אין ווילנע, איינער פון די עלטסטע (און איצט פון די שטאַרקסטע) ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס פון פאַר דער מלחמה, וואָס האָט דאַן צוריק אָנגעהויבן איר טעטיקייט און זיך געווענדעט צום געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" נאָך אַ סובסידיע, וואָס זאָל איר העלפן זיך צוריקשטעלן. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן צו דעם צוועק אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט אָנערקענט פאַר נויטיק אַריינצוגיין מיט דער באַנק אין נעענטערע באַציאונגען. ס׳האָט זיך אַפילו פּראָיעקטירט, אַז די דאָזיקע באַנק זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צענטראַלע פאַר גאַנצן געגנט. דער פּלאַן איז שפּעטער אָפּגעפאַלן, אָבער אַ אונטערשטיצונג האָט די באַנק באַקומען. אין יוני 1920 האָט די באַנק אויך דערהאַלטן פון „יעקאָפּאָ" אַ גרעסערע קרעדיט-סומע אויף אַרויסצוגעבן הלוואות דער פּאָגראָמירטער ייִדישער באַפעלקערונג, ווי אויך דעפּאָזיטן. דער פּלאַן וועגן אַ צענטראַלע איז ווייטער קאָנטינויִרט געוואָרן, דערביי האָבן זיך באַזונדערס באַטייליקט די מיטגלידער פון קאָמיטעט ב. כהן און נ. א. קאָוואַרסקי. „יעקאָפּאָ" האָט אין משך פון דער צייט אויפגעבויט עטלעכע צענדליק קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון און אַ ריי אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון און די צאָל איז גיך געוואַקסן. ס׳איז געוואָרן דרינגענד נויטיק אַ שטענדיקע אינסטרוקטאָרישע הילף און אַ באַנק-צענטראַלע. „יעקאָפּאָ" האָט געעפנט ביי זיך אַ באַזונדערע קאָאָפּעראַטיווע אָפּטיילונג, אין וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט (חוץ די באַפולמעכטיקטע און מיטגלידער פון קאָמיטעט) אַלס רעפערענטן און אינסטרוקטאָרן די ה״ה י. כאַרלאַש און מ. אימיאַניטאָוו און ס׳האָט ביי פאַרשיידענע פּלענער מיטגעהאָלפן (ספּעציעל פאַר געברויכס-קאָאָפּעראַציע) ה. מלמד. די אָפּטיילונג איז געווען טעטיק אין די יאָרן 1920—1922 און האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער שפּעטערדיקער אָרגאַניזירטער ייִדישער קאָאָפּעראַציע אין ווילנע און ווילנער—נאָוואָגרודקער געגנט. ס׳זיינען צונויפגערופן געוואָרן פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע קאָנפערענצן און באַראַטונגען פון די קאָאָפּעראַציון, וואָס ער האָט געגרינדעט און סובסידירט (צוויי קאָנפערענצן פון די ליי- און שפּאָר-קאַסעס — 45 דעלעגאַטן — דעם 30—31 מערץ און 31 אויגוסט 1921 און אַ באַראַטונג פון געברויכס-קאָאָפּעראַציון — 17 דעלעגאַטן — דעם 31 מערץ און 1 אַפּריל 1921) און צווישן אַנדערע ענינים האָבן זיי אויך אַקצעפּטירט די שטעלונג פון קאָמיטעט וועגן גרינדן אַ פאַרבאַנד פון קאָאָפּעראַטיוון און אַ צענטראַלע פינאַנץ-אינסטיטוציע. דער פּלאַן וועגן אַ קרעדיט-צענטראַלע איז שוין דאַן מער ניט געווען קיין טעאָרעטישע פראַגע. אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיווע פון קאָמיטעט דעם 17 יאַנואַר 1921 איז מיטגעטיילט געוואָרן דער וויכטיקער פאַקט, אַז דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" האָט באַקומען פון דער רעגירונג אַ קאָנצעסיע אויף אַ ייִדישע צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבאַנק אין ווילנע און אויף דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע דעם 3 מאַי 1921 איז באַשלאָסן געוואָרן צו לייען דער צענטראַלער באַנק אַ גרעסערע סומע, פון די מיטלען פון קאָמיטעט, כדי זי זאָל קענען אָנהייבן איר טעטיקייט, וואָס איז אויך געשען און דעם 14 יולי 1921, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע עפענונג פון דער ווילנער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער באַנק, וועלכע עקזיסטירט ביז היינטיקן טאָג און נעמט אַרום אַלס אירע מיטגלידער ביי 100 קאָאָפּעראַטיוון (אַלע פאָלקסבענק—88—און אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס) פון ווילנער, נאָוואָגרודקער און אַ טייל ביאַליסטאָקער וואָיע

וואודסטוועס). דעם פאַרבאַנד האָט דאַן פאַרביטן די אָנגערופענע קאָאָפעראַטיווע אָפטיילונג פון „יעקאָפאָ", ביז וואַנען אָנהייב יאָר 1923 (אין אַפריל חודש) איז ביי דער ווילנער צענטראַלער באַנק געגרינדעט געוואָרן פאַר ווילנער געגנט אַן עקספאָזיטור פון פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן, וועלכער האָט דעם 6 דעצעמבער 1922 באַקומען פון דער רעגירונג רעוויזיע-רעכט. און אויף אַזאַ אופן האָט דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפאָ" די גאַנצע יידישע קרעדיט-קאָאָפעראַציע, וואָס ער האָט געגרינדעט און אויסגעהאַלטן אין ווילנער געגנט, איבערגעגעבן די ניי-אַנטשטאַנענע לויט זיין איניציאַטיוו און ספעציעל דערצו באַרופענע אינסטיטוציעס.

די געברויכס קאָאָפעראַציע האָט „יעקאָפאָ" אַנטוויקלט שוין פון יאָר 1919. אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיווע פון קאָמיטעט דעם 21 דעצעמבער 1919 איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פאַר דעם צענטראַלן איינקויף פון סחורות פאַר די דאָזיקע קאָאָפעראַציון, וועלכע האָט געאַרבעט אין יאָר 1920. אין יאָר 1921 איז אויך געשאַפן געוואָרן פון „יעקאָפאָ" אַ צענטראַלע איינקויפס-ביוראָ פאַר די פראָווינציעלע קאָנסום-קאָאָפעראַציון, וועלכע ער האָט געגרינדעט און געשטיצט (אַזוינע קאָאָפעראַציון זיינען דאַן געווען בערך 15). דערביי האָט „יעקאָפאָ" מיטגעאַרבעט מיט די בירגערלעכע און קלאַסן-קאָאָפעראַציון אין ווילנע, דערהויפט מיטן קאָאָפעראַטיוו „אַרבעטער", וועלכער איז געבליבן עקסיסטירן לענגער ווי אַלע איבעריקע קאָנסום-קאָאָפעראַציון, וואָס נאָך אַ פאָר יאָר טעטיקייט האָבן זיי זיך ביים איינשטעלן אַ מער-ווייניק סטאַבילן ווירטשאַפטלעכן לעבן געשלאָסן און קיין אַנדערע יידישע קאָנסום-קאָאָפעראַציע איז מער ניט אַנטשטאַנען.

„יעקאָפאָ" האָט אויך אַקטיוו מיטגעווירקט צו דער גרינדונג פון די ווילנער פראָדוציר-קאָאָפעראַציון אין יאָר 1919 און צו זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג (ביז 19 איינצלנע קאָאָפעראַציון פון פאַרשיידענע פאַכן, פאַראייניקט אין איין צענטראַלער פאַרוואַלטונג און אין איין בנין, מיט איבער 400 אַרבעטער), האָט זיי מאַטעריעל געשטיצט — זיי אויך אַרויסגעגעבן די ערשטע געלט-שטיצע — און האָט געזאָרגט וועגן גרעסערע באַשטעלונגען פאַר זיי אין משך פון זייער טעטיקייט אין די ערשטע יאָרן. אַזוי האָט „יעקאָפאָ" אין פאַרבינדונג מיטן דעמאָלטיקן „דזשוינט"-פאַרטרעטער אין וואַרשע ה' אַדאָלף קראַקאָווסקי זיי געגעבן אַ באַשטעלונג אויף 10.000 פאָר לעדערנע שיך און נאָך פריער אויף טויזנטער לייוונטענע און לעדערנע שיך (1920—1919), אויף 8.000 מעטער בגדים (אָנהייב 1921), אויף טויזנטער איינבונדן פון ביכער א. אַז. וו. די ווילנער פראָדוציר-קאָאָפעראַציון עקזיסטירן אָן אויפהער ביז אויף היינטיקן טאָג, הגם שטאַרק פאַרקלענערט (די פרובן פון פראָדוציר-קאָאָפעראַציון אויף דער פראָווינץ האָבן ניט אויסגעהאַלטן) און זיינען פון די ווייניקע גרעסערע יידישע אינסטיטוציעס פון דעם מין אין פוילן.

„יעקאָפאָ" האָט אויך געפרובט שאַפן אין יאָר 1919 אַ קאָאָפעראַטיווע פאַבריק (דער פרוב האָט זיך ניט איינגעגעבן) אויף דער פראָווינץ, אין סוועציאַן. וועגן די קורסן פאַר קאָאָפעראַציע איז שוין גערעדט געוואָרן אויבן (זייט 341). וועגן דער קאָאָפעראַטיווער אַפטייק ז. ווייטער (זייט 356—355).

2. לאַנדווירטשאַפט, קאָלאָניעס, פערמעס, זריעה. די געגנט-הילף, וואָס „יעקאָפאָ" האָט געגעבן די שטעטלעך פון יאָר 1919 אָן, האָט נאַטירלעך אויך אַרומגענומען די יידישע קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך אין ווילנער געגנט און די לאַנדווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, אויף וויפל זי איז דאַן געפירט געוואָרן אין די קאָלאָניעס אָדער ביי די שטעטלעך. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפאָ" דעם 9 סעפטעמבער 1919 האָט דער באַפולמעכטיקטער פון קאָמיטעט ה' י. וואַלק געהאַלטן אַ באַזונדערן רעפעראַט וועגן די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. ער האָט אָנגעציילט אין ווילנער געגנט 32 יידישע קאָלאָניעס און ישובים מיט 4095 דעסיאַטין ערד און מיט אַ באַפעלקערונג פון בערך 2390 נפשות (ז. דעם באַריכט וועגן דער ערשטער קאָנפערענץ, באַזונדערער ביכל). אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע קאָלאָניעס און ישובים האָט אין משך פון די ערשטע יאָרן באַקומען פון קאָמיטעט רעגלמעסיק פאַרשיידענע סובסידיעס.

אַ ספעציעלע אַקציע, וואָס האָט אָפגעקאָסט דעם קאָמיטעט פיל מיטלען און ענערגיע, איז געווען די אונטערשטיצונג פון דער גרויסער לאַנדווירטשאַפטלעכער מוסטער-פערמע און שול (אָזער קאָלאָניע) „וועליטשאַני" (240 דעסיאַטין) 13 קילאָמעטער הינטער ווילנע. די קאָלאָניע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער ווילנער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט" בראש מיטן אינזש. א. קלעבאַנאָוו און פאַרשטאָרבענעם (דעם 20 דעצעמבער 1920 אין עלטער פון 51 יאָר,—געב. אין יאָר 1870) ד"ר א. מאַקאָווער און האָט געהאַט דעם ציל אויסצובילדן יידישע קוואַליפיצירטע ערד-אַרבעטער און פאַרשפרייטן לאַנדווירטשאַפט צווישן יידן. „יעקאָפאָ" האָט אַ לענגערע צייט אַרויסגעגעבן אויף וועליטשאַני אַ מאָנאַטלעכע שטיצע, חוץ איינמאָליקע גרעסערע סובסידיעס און ספעציעלע אַסיגנירונגען. די שול האָט עקסיסטירט 5 יאָר (אַפריל 1916—אַפריל 1921, איז אָפגענומען געוואָרן פון דער פוילישער מאַכט) און האָט אויסגעבילדעט אַ פאָר הונדערט יידן אין לאַנדווירטשאַפט, פון זיי עטלעכע גרופעס יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך שפעטער איינגעאָרדנט אין לאַנד און אין אויסלאַנד אַלס אינסטרוקטאָרן אָדער קוואַליפיצירטע ערד-אַרבעטער, ווי אויך אַלס מיטגלידער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפעראַטיוון אָדער שילער פון העכערע לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן.

„יעקאָפאָ" האָט אויך אַ געוויסע צייט געשטיצט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע „זשוראַוויצי" ניט ווייט פון ווילנע, וועלכע האָט זיך אין יאָר 1920 פאַרוואַנדלט אין אַ קאָאָפעראַטיוו, אָנגעפירט פון די פראָדוציר-קאָאָפעראַציון און סובסידירט פון „אָרט". דער פרוב האָט ניט לאַנג געהאַלטן.

אין די יאָרן 1920—1919 האָט דער קאָמיטעט „יעקאָפאָ" פיל געזאָרגט וועגן זריעה פאַר די קאָלאָניסטן. פון די „דזשוינט"-אַסיגנירונגען פלעגט אָפגענומען ווערן אַ געוויסער טייל, אויף וועלכן ס'פלעגט איינגעקויפט ווערן פאַר די קאָלאָניסטן זריעה, כדי זיי זאָלן קענען פאַרזייען די פעלדער. „יעקאָפאָ" האָט אויך אויסגעווירקט ביים „דזשוינט" ספעציעלע סומעס אויף זריעה און הילף די קאָלאָניסטן, וועלכע איז געגאַנגען דורך „אָרט". „יעקאָפאָ" האָט דאַן אויך אַ געוויסע צייט אויסגעפועלט ביי דער מאַכט, אַז אויף זיינע באַשטעטיקונגען זאָל מען די יידישע ערד-אַרבעטער, וואָס האָבן געליטן פון מלחמה אין די שטעטלעך און ישובים פון ווילנער גוב., אַרויסגעבן די נויטיקע זריעה. מיט דער אַרבעט האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט דער מיטגליד פון קאָמיטעט ה' א. לאַנגבאַרט.

שפעטער איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע טעטיקייט איבערגעגעבן געוואָרן אָדער איז איבערגעגאַנגען צו „אָרט" און דערנאָך דער עיקר צו יק"אָ.

3. פראָדוקטיווע הילף, פראָפעסיאָנעלע שולן, מלאכה. אויף דעם געביט אין ענגערן זין פון וואָרט האָט „יעקאָפאָ" געאַרבעט צוזאַמען מיט

״אָרט״, ״הילף דורך אַרבעט״, ״פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציוון״ א. א., וועלכע האָבן אין דער ערשטער צייט געבילדעט געמיינזאַם מיט דער ווילנער קהילה אַ ״קאָמיטעט פֿאַר פּראָדוקטיווע הילף״, וואָס האָט עקסיסטירט אין יאָר 1919–1920 און האָט געהאַט דעם צוועק צו טיילן דאָס אָנגעקומענע אַמעריקאַנער שטיצגעלט פֿאַר פּראָדוקטיווע צוועקן אין ווילנע און געגנט. פֿון דעם דאָזיקן געלט האָבן גענאָסן דער האַנטווערקער־פֿאַראיין, פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציוון, טעכנישע קורסן, ״הילף דורך אַרבעט״, ״אָרט״, צענטראַל־ביוראָ פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן, פּראָדוקטיווע אָפּטיילונג ביי דער קהילה א. אַז. וו. אַ באַזונדערע גרעסערע אַקציע האָט ״יעקאָפּאָ״ אונטערגענומען מיטן צוועק אויסצובילדן די פּראָווינציעלע קינדער אין אַ פֿאַך און האָט אויך געעפֿנט די ערשטע פּראָפֿעסיאָנעלע שולן און וואַרשטאַטן אויף דער ווילנער פּראָווינץ, דהיינו אין אָשמענע (דאַמען־ און מענער־שניידעריי; שטעפּעריי און שוסטעריי) און סמאָרגאָן (סטאָלעריי), וועלכע זיינען שפּעטער געפֿירט געוואָרן געמיינזאַם פֿון ״יעקאָפּאָ״ און ״אָרט״ און האָבן עקסיסטירט אין די יאָרן 1920–1923, אַרויסלאָזנדיק אַ קאַדער גוט־צוגעגרייטע יונגעלייט אין די באַטרעפֿנדע פֿאַכן. ביים אָרגאַניזירן די פֿאַך־שול אין אָשמענע האָט מיטגעהאָלפֿן אינזש. א. קלעבאַנאָוו, וועלכער האָט לויט דעם אויפֿטראָג פֿון ״יעקאָפּאָ״ צוגעשטעלט אַ פּלאַן פֿון עפֿענען פֿאַך־שולן אויך אין גלובאָקע, איוויע, לידע א. א. (צו וואָס ס'זיינען שוין אויך געמאַכט געוואָרן פֿון ״יעקאָפּאָ״ די נויטיקע הכנות און טיילווייז אָנגעגרייט די מכשירים, שפּעטער געעפֿנט אין גלובאָקע און לידע פֿון ״אָרט״, אָבער נאָך אַ פּאָר יאָר עקסיסטענץ פֿאַרמאַכט). דאַן איז באַשלאָסן געוואָרן צו ברענגען דאָס רוב געהעריקע קינדער קיין ווילנע און אויסבילדן זיי אין אַ מלאכה אין די ווילנער פּראָפֿעסיאָנעלע שולן, טעכניקום און וואַרשטאַטן, ווי אויך ביי פּריוואַטע מייסטערס, וואָס איז אויך דורכגעפֿירט געוואָרן מיט גרויס ערפֿאָלג (ז. אויבן זייטן 246–249, 272–273 און די טאַבעלן אויף די זייטן 277–279) און ווערט געפֿירט ביז אויף היינטיקן טאָג. מיטן פֿאַרמאַכן די שולן אויף דער פּראָווינץ איז אָבער די גאַנצע געגנט (חוץ דער שטאָט ווילנע) געבליבן אָן איין־איינציקער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער שול און איז ביז איצט פֿון קיין דערצו באַרופֿענער געזעלשאַפֿט ניט קאָמפּענסירט געוואָרן. אין יאָר 1921–1922 האָט ״יעקאָפּאָ״ אויך געהאַט אַ שוסטעריי־וואַרשטאַט ביי זיין דעמאָלסטיקן צענטראַלן אינטערנאַט אין ווילנע (ז. אויבן זייטן 214–215). גלייכצייטיק האָט ״יעקאָפּאָ״ געשטיצט די געזעלשאַפֿט ״שוקדי מלאכה״ אין נאָוואָגרודעק (פֿון יאָר 1919 ביז 1930, ווען ס'ווערט פּראָיעקטירט צו עפֿענען דאָרט אַ וואַרשטאַט).

וועגן אַלע אַנדערע מינים פּראָדוקטיווע הילף, אין ברייטערן זין פֿון וואָרט, וואָס ״יעקאָפּאָ״ האָט געפֿירט, ווערט גערעדט אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון פּנקס.

4. מעדיצינישע הילף, מעדיקאַמענטן־לאַגער, פּאָפּולערע מעד. בראָשורן, מעדיציניש־סאַניטאַרע צענטראַלע, קאָאָפּעראַטיווע אַפּטייק, שוועסטער־שול, הייל־אַנשטאַלטן. פֿון ערשטן טאָג אַרבעט פֿון קאָמיטעט איז שוין געגעבן געוואָרן מעדיצינישע הילף אין געגנט, וועלכע איז געווען אינגאַנצן צערויאינירט פֿון די מלחמות און מהומות און אין אַ סך ערטער האָבן געבושעוועט עפּידעמישע קראַנקייטן. פֿאַרן קאָמיטעט איז געשטאַנען די אויפֿגאַבע צו באַזאָרגן די שטעטלעך הן מיט דאָקטוירים והן מיט מעדיקאַמענטן, ווי אויך גרינדן און שטיצן פֿאַרשיידענע אָרטיקע בקור־חולים'ס, לינת־הצדק'ס, אייז־קעלערס, רויטע מגן דוד'ס, אַפּטייקלעך א. אַז. וו. שפּעטער איז אין אייניקע שטעטלעך אויך געמאַכט געוואָרן אַ פּרוב צו עפֿענען דאָקטוירים־פּונקטן אָדער אַמבולאַטאָריעס. צום אָנהויב איז די אַרבעט געפֿירט געוואָרן זעלבשטענדיק, דערנאָך צוזאַמען מיט ״אָזע״ אָדער דורך ״אָזע״, וועלכער ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן די מעדיציניש־סאַניטאַרע זייט, די סובסידירונג אָבער פֿון דער אַרבעט, ווי אויך די אויסהאַלטונג און אָנפֿירונג מיט די אָרטיקע אינסטיטוציעס פֿאַר מעדיצינישע צוועקן אין די שטעטלעך איז גרעסטנטיילס נאָך לאַנג פֿאַרבליבן ביים קאָמיטעט ״יעקאָפּאָ״, וועלכער פֿלעגט באַשטימען אויף די צוועקן אַ געוויסן טייל פֿון די חודשדיקע סובסידיעס, וואָס די שטעטלעך פֿלעגן באַקומען. חוץ דעם פֿלעגט ער געבן ספּעציעלע אַסיגנירונגען אויף צענטראַלע מעדיציניש־סאַניטאַרע אַרבעטן. אַזוי איז נעגאַנגען די אַרבעט אין די שווערסטע יאָרן 1919–1921 און צוזאַמען מיט ״יעקאָפּאָ״ האָבן דאָ ענג מיטגעאַרבעט די פֿאָרשטייער פֿון ״אָזע״ ד״ר ג. א. קאָוואַרסקי און ד״ר י. יאַבראָוו, שפּעטער ד״ר ג. געלמאַן.

כּדי צו באַזאָרגן די פּראָווינץ מיט מעדיקאַמענטן האָט ״יעקאָפּאָ״ געעפֿנט אין ווילנע אַ גרויסן צענטראַלן לאַגער פֿון מעדיציניש־סאַניטאַרע פּרעפּאַראַטן, הייל־מיטלען, מאַטעריאַלן, שטאָפֿן און מכשירים. דער לאַגער האָט געאַרבעט צוויי יאָר צייט (פֿון 1919 ביז יוני 1921) און האָט אין יענע בהלהדיקע יאָרן ערפֿילט אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע אין געראַנגל מיט די עפּידעמיעס און קראַנקייטן, באַזאָרגנדיק די באַפֿעלקערונג מיט הייל־מיטלען, וועלכע ס'וואָלט אַנדערש אויסגעקומען צו קריגן מיט גרויסע שוועריקייטן און פֿאַר הויכע פּרייזן. דער לאַגער פֿלעגט נעמען די מעדיקאַמענטן פֿאַר אַ קליינעם אָפּצאָל און אין פֿיל נויטיקע פֿאַלן אינגאַנצן אומזיסט. שפּעטער איז דער רעשט לאַגער איבערגעגעבן געוואָרן ״אָזע״, אַ טייל פֿאַרן זעלבסטקאָסטן־פּרייז און אַ טייל אומזיסט.

גלייכצייטיק האָט ״יעקאָפּאָ״ אויך אָפּגעדרוקט אַ ריי פּאָפּולערע בראָשורן (צונויפֿגעשטעלט פֿון ספּעציאַליסטן אין קאָנטאַקט מיט ״אָזע״) וועגן קלעפּיקע קראַנקייטן א. א., וועלכע זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער פּראָווינץ אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אויך די בראָשורן האָט ״יעקאָפּאָ״ שפּעטער איבערגעגעבן ״אָזע״.

״יעקאָפּאָ״ האָט אויך געפֿירט אַ באַזונדערע מעדיצינישע הילפֿס־אַקציע צווישן היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן, וועגן וועלכער ס'איז גערעדט געוואָרן אויבן (ז. זייטן 63–64).

אַ נייע ווענדונג האָט געקראָגן די גאַנצע אַרבעט אין האַרבסט 1921, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט אין ווילנע די מעדיציניש־סאַניטאַרע צענטראַלע (ז. אויבן זייט 167), אין וועלכער אויך ״יעקאָפּאָ״ איז געווען אַקטיוו פֿאַרטראַטן און טעטיק און וועלכע האָט אין משך פֿון איר דריי־יאָריקער עקזיסטענץ געבויט בעדער (ווי אויך אַרטעזיאַנישע ברונעמער און היגיענישע קלאָזעטן), רעמאָנטירט שפּיטאָלן, געגרינדעט אַמבולאַטאָריעס און דאָקטוירים־פּונקטן, געפֿירט אַ גרויסע אַקציע קעגן פֿאַוואוס, אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט פֿון אַ פּראָפֿילאַקטישן און היגיענישן כאַראַקטער, שול־מעדיצין, אַ לאַגער פֿון בוי־ און וואַסערלייטונגס־מאַטעריאַלן, געשטיצט ספּאָרט א. אַז. וו. איר מעדיציניש־סאַניטאַרע אַרבעט האָט זי געפֿירט דורך ״אָזע״, ביי אַלע אירע אַרבעטן אויף דער פּראָווינץ איז זי געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט ״יעקאָפּאָ״ און אין שטאָט ווילנע מיטן מעדיצינאַל־ראַט (אָזע, משמרת חולים, זווערינעצער שפּיטאָל פֿון קהילה, מפֿבי). אַלע צוזאַמען (יעקאָפּאָ, אָזע, קהילה און מעדיצינאַל־ראַט) האָבן געבילדעט די צענט־

ראַלע אויף פּאַריטעטע יסודות. אַ געוויסע צייט האָט זיך נאָך אין איר אויך באַטייליקט דער פאַרטרעטער פון ד. ד. ק. ד"ר באַנאַוו, וועלכער איז געווען דער פאַרשטייער פון מעדיצינישן דעפּאַרטאַמענט פון „דזשוינט" אין פּוילן אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר גאָלוב און ד"ר שמידט. דער פאָרזיצער פון דער צענטראַלע איז געווען ד"ר ג. גערשון, דער סעקרעטאַר — מ. באַלבערישסקי. די טעטיקייט, וואָס די צענטראַלע האָט אַנטוויקלט, איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדע און ממשותדיקע (געניטער ווען איר פּראָגראַם ז. „אונזער הילף" 1921, נומ' 9–12).

אַ אינטערעסאַנטער פּרוּוו איז געווען די גרינדונג פון אַ קאָאָפּעראַטיווער אַפּטייק אין פּאָדבראָדז אין סעפּטעמבער 1920, וואָס האָט עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר און איז געשטיצט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ" (ז. „אונזער הילף" 1921, נומ' 3 און 4–5). די אַפּטייק איז געווען אַ ריין-געזעלשאַפטלעכע, געבויט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און אין איר האָט גענומען אַן אָנטייל די גאַנצע באַפעלקערונג אָן אונטערשייד פון נאַציע (פּאָליאַקן, יידן, ליטווינער). לויט איר סטאַטוט האָט זי געהאַט רעכט איינצולאַדן אַ דאָקטאָר, פעלדשער, אַקושערין, וועטערינאַר, צאָן-דאָקטאָר און שליסן מיט זיי אָפּמאַכן, עפענען אַמבולאַטאָריעס וכדומה און בכלל באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט מעדיצינישער הילף. די אַפּטייק האָט ערפאָלגרייך געקעמפט מיטן גוואַלטיקן יקרות אויף מעדיקאַמענטן, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין די פּריוואַטע אַפּטייקן און אונטערנעמונגען און זי האָט אויך געהאַט אַ געוויסע מאָראַליש-עטישע און אָרגאַניזאַציאָנעל-פּראַקטישע באַדייטונג פאַר דער באַפעלקערונג. די אַפּטייק האָט אויך געדינט אַלס פּראָפּאַגאַנדע פאַר די גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן פאַר אַפּטייקן. דערביי האָט זי געהאַט אויסצושטיין אַ שאַרפן קאַמף פון די פאַראינטערעסירטע פּריוואַטע פּערזאָנען און פאַרשיידענע מאַסגעבנדע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געקוקט קרום אויף דעם דאָזיקן געמיינזאַמען אויפטו, ביז וואַנען זי האָט ביי די שפּעטערדיקע געענדערטע באַדינגונגען מער קיין קאָנצעסיע ניט באַקומען און האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אויף דער באַראַטונג פון די קאָאָפּעראַטיוון פון „יעקאָפּאָ" דעם 1 אַפּריל 1921 האָט ד"ר י. ראַפּעס אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אַפּטייק און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז „יעקאָפּאָ" זאָל אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע בראָשור וועגן דעם ענין פון קאָאָפּעראַטיווע אַפּטייקן אויף דער פּראָווינץ. די בראָשור איז אַרויסגעגעבן געוואָרן (צוזאַמענגעשטעלט פון מ. באַלבערישסקי, וועלכער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַפּטייק).

„יעקאָפּאָ" האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין דער גרינדונג און פירונג פון דער שוועסטער-שול אין ווילנע, וועלכע איז צוערשט פּראָיעקטירט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ" (אויף איר זיצונג פון עקזעקוטיווע דעם 19 מאַי 1920 מיט דער באַטייליקונג פון ד"ר ג. א. קאָוואַרסקי, ד"ר א. מאַקאָווער און ד"ר פּערעלמאַן) אַלס צוויי-יאָריקע פעלדשער-שול פאַר די באַדערפענישן פון דער פּראָווינץ צוליבן גרויסן מאַנגל פון מעדיצינישע קרעפטן דאָרט און מיט אַן איין-יאָריקן קורס פאַר שוועסטער און סאַניטאַרן (דערביי איז די אָרגאַניזאַציע פון דער שול איבערגעגעבן געוואָרן ד"ר ג. א. קאָוואַרסקי) און איז שפּעטער, אין יאָר 1922, געעפנט געוואָרן פון דער מעדיציניש-סאַניטאַרער צענטראַלע ביי „אָזע" אַלס שול פאַר היגיעניסטינס, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט פון ד"ר ג. א. קאָוואַרסקי. אין פאַרוואַלטונג פון דער שול האָט מצד „יעקאָפּאָ" זיך באַטייליקט א. לאַנגבאַרט. די שול האָט עקזיסטירט צוויי יאָר און האָט אַרויסגעלאָזן 34 קוואַליפיצירטע מיטאַרבעטערינס אויפן מעדיציניש-סאַניטאַרן און היגיעניש געביט.

ווייטער איז „יעקאָפּאָ" אין פאַרשיידענע צייטן אין משך פון יאָרן געשטאַנען אין אַ פאַרבינדונג צוליב הייל-צוועקן פאַר די נויטבאַדערפטיקע פּראָווינציעלע חולאים מיט די ווילנער געזעלשאַפטן און שפּיטאָלן „משמרת חולים", קינדער- און פרויען-שפּיטאָל אויף זווערינעץ, יידישער שפּיטאָל און אויך מושב זקנים. דער שפּיטאָל פון „משמרת חולים" האָט אַפילו אין דער ערשטער צייט פון זיין איבערבויאונג אין יאָר 1920 און ווייטער געטראָגן דעם געמיינזאַמען נאָמען פון „משמרת חולים" און „יעקאָפּאָ". דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" האָט דאַן רעזערווירט אין אים פאַר דער פּראָווינץ אַ העלפט בעטלעך און האָט אים ווייער שטאַרק אויסגעהאָלפן אין רעמאָנט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן 1921—1929 האָט „יעקאָפּאָ" כמעט שטענדיק געהאַט פּאַציענטן אין די שפּיטאָלן פון „משמרת חולים" און אויף זווערינעץ (וועלכער ווערט אָנגעפירט פון ד"ר ג. א. קאָוואַרסקי), ווי אויך אין שטאָטישן יידישן שפּיטאָל, פאַר וועלכע דער קאָמיטעט פלעגט אַריינטראָגן אַ פעסטגעשטעלטן אָפּצאָל. דאָסזעלבע איז געווען מיט דער אַמבולאַטאָריע פון „אָזע" און מיט דער אַפּטייק פון „משמרת חולים". די אַלע געזעלשאַפטן איז ניט איינמאָל אויסגעצאָלט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ" גרעסערע סומעס געלט. אויך דעם מושב זקנים איז געצאָלט געוואָרן געלט (אין יאָר 1920) און שפּעטער זיינען דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן איינציקע זקנים און זקנות.

5. אינדיווידועלע הילף.

דער דאָזיקער מין הילף איז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה געווען אומגעהויער וויכטיק און האָט צו פאַרצייכענען די אויפריכטונג פון הונדערטער און טויזנטער איינצלנע פאַמיליעס און יחידים. די הילף איז געגעבן געוואָרן פון „יעקאָפּאָ" אין משך פון די גאַנצע 12 יאָר 1919—1930, די ערשטע צייטן מער און סיסטעמאַטישער, דערנאָך ווייניקער און נאָר ביי אויסערגעווייינלעכע פאַלן און האָט געטראָגן אַ ריין-קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער פון געבן די פּאַציענטן די מעגלעכקייט זיך ווירטשאַפטלעך אויפצובויען, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן האַנטווערקער, סוחרים און הענדלער אָדער איבערצולעבן די שווערע צייט, ווען די זאַך איז געווען נוגע דער אינטעליגענץ, ווי לערער, ליטעראַטן, אַרטיסטן, דאָקטוירים, טעכניקער, געזעלשאַפטלעכע טוער, קוואַליפיצירטע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער וכדומה.

גאָר אַ גרויסן פאַרנעם האָט די הילף אָנגענומען אין די יאָרן 1921—1923, ווען „יעקאָפּאָ" האָט באַקומען פון דער לאָנדאָנער אוקראַינע פעדעראַציע 2.500 פונט (דאַן 22.900.000 מאַרק), וואָס האָט צוזאַמען מיט נאָך אַ סומע (13.063.835 מאַרק), וועלכע די פּאַציענטן האָבן אויסגעצאָלט צוריק, געבילדעט אַ פאָנד, וועלכער האָט חוץ געוויסע אַקציעס פון תמיכה, קולטורעלע הילף, יורידישע הילף און אויפבויאונג געגעבן די מעגלעכקייט אויפצוריכטן און צו שטעלן אויף די פיס 449 פאַמיליעס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון 1548 פּערזאָן. פון די 449 פאַמיליעס זיינען געווען: בעלי-מלאכות און אַרבעטער—143, הענדלער און אָנגעשטעלטע—200 און פרייע פּראָפעסיעס—106. צוליב דער דעוואַלוואַציע פון דער וואַלוטע האָט דער פאָנד, ווי אויך דער פאָנד פון די בערך 2.000 דאָלאַר, וואָס ס'האָט איינגעבראַכט די איינענע זאַמלונג פון „יעקאָפּאָ" פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, און די שפּעטערדיקע אויסגעגעבענע אויף ענלעכע צוועקן גרעסערע געלטער פון ד. ד. ק., יק"אַ און אַנדערע, ניט געקענט בילדן קיין שטענדיקן אומזיסט-קאַפּיטאַל. דעמ-

זעלבן גורל האָט אויך געהאַט אין יענע צייטן דער גרעסטער טייל געלטער פון די בענק, קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־אינסטיטוציעס, גמילות־חסדים־קאַסעס א. א. (ז. אויבן זייטן 71—73, 74—76 און 305).

6. **פאַרשיידענע הילפס־אַרבעטן און סובסידיעס, פילאַנטראָפּיע און אויפבויאונג.** פון די פאַרשיידענע אַנדערע מינים הילף דאַרף מען נאָך דערמאָנען די אַזויגערופענע „צרכי צבור“ (מרחץ, בית־מדרש, רב א. אַז. וו.), וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ“ צווישן אַנדערע טיילן פון בודזשעט און איז געגעבן געוואָרן אין משך פון די יאָרן 1919—1921, ווען די שטעטלעך פלעגן באַקומען רעגולער מאָנאַטלעכע סובווענצן צושטייער אויף אַלע זייערע הצטרכותן. ווייטער דאַרף מען אָנרופן אַ ריי פאַרשיידענע אַקציעס, וואָס „יעקאָפּאָ“ איז אויסגעקומען צו פירן אין משך פון איר אַרבעט — **פילאַנטראָפּישע**, ווי הילף אויף פסח, ברויט פאַר אַרעסטירטע, הילף מיט פּראָדוקטן, מאַטעריאַלן, קליידער, וועש און שיך (פון די אייגענע גרויסע לאַגערן און באַקומענע פון ד. ד. ק., ק. פּ. ד. און רויטן קרייץ), מיטאָגן אין קיכן (דערביי איז „יעקאָפּאָ“ געשטאַנען אין אַ נעענטערער פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער־קיך ביים פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין ווילנע), באַזאָרגונג מיט האָלץ און פיל אַנדערע, אָדער **פילאַנטראָפּיש־קאָנסטרוקטיווע**, ווי מכשירים פאַר האַנטווערקער, לער־ביכער און לער־מכשירים פאַר שולן און שילער, סובסידיעס פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס (האַנטווערקער־פאַראיינען, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, בילדונגס־געזעלשאַפטן, הלוואות פאַר „אָרט“, „אָזע“, „הילף דורך אַרבעט“, שול־אָרגאַניזאַציעס, קהילה און אַ ריי אַנדערע); הילף פאַר אַרבעטסלאָזע מיט געלט, אַרבעט און באַשטעלונגען; גרעסערע הילף־ און אויפבוי־אַקציעס ביי שׂרפות אין די שטעטלעך א. אַז. וו.; יורידישע הילף אויך נאָך די יאָרן 1919—1924 (ז. אויבן זייטן 25—41); אַ זייער גרויסע אינקאַסאָ־אַקציע אין יאָר 1920 פון אַרויסגעבן דער נויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג אוואַנסן אויף טשעקן (אָדער אויסצאָלן די גאַנצע סומע פון די טשעקן) פון פּריוואַטע בענק, וואָס פלעגן געשיקט ווערן פון אַמעריקע צו די קרובים אין ווילנע און געגנט, וועלכע פלעגן אָבער ניט האָבן קיין מעגלעכקייט זיי צו רעאַליזירן צוליב דעם, וואָס ווילנע איז דאַן געווען אַזוי גוט ווי אָפּגעשניטן פון דער וועלט און די אָנגערופענע אַקציע פון „יעקאָפּאָ“ האָט די דאָזיקע טויזנטער פּעטענטן ממש געראַטעוועט פון נויט און דחקות; די אַקציע פון פאַרבינדן קרובים; פון רעגולירן די טעטיקייט פון פיל אַזויגערופענע דעלעגאַטן פון אַמעריקע, וועלכע פלעגן ברענגען גרעסערע סומעס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין די שטעטלעך, אַז זיי זאָלן ניט טיילן דאָס געלט אַלס איינמאָליקע תמיכה פאַר אַלעמען פער קאָפּ אָדער גאָר אין אַ דעצאַלווירטער וואַלוטע (ווי ס'האָט ניט איינמאָל געטראָפן), נאָר זאָלן איינטיילן די געלטער פּראָדוקטיוו און לויט אַ פּלאַן, וואָס זאָל טאַקע אויסטאָן ממשותדיקס פאַר דער שטעטל און דער באַפעלקערונג א. אַז. וו. א. אַז. וו.

7. **באַשפּייזונג פון שול־קינדער, הילפס־אַקציע פאַר אָפּגעברענטע שטעטלעך אין יאָר 1929.** אין מעמאָראַנדום, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט דערלאַנגט דעם „דזשוינט“ דעם 6 מערץ 1926 (ז. אויבן זייטן 305—306) אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גוואַלטיקן עקאָנאָמישן קריזיס אין ווילנער געגנט, איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטיקייט פון קינדער־באַשפּייזונג. אַלס רעזולטאַט איז פון אויגוסט 1926 אָנגעהויבן געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“ אַן אַקציע פון באַשפּייזן די שול־קינדער אין די מער נויטבאַדערפטיקע פּונקטן. אין יאָר 1926 זיינען באַשפּייזט געוואָרן 1016 קינדער אין 29 שולן פון אַלע אַן אויסנאַם ריכטונגען אין 20 שטעט און שטעטלעך און די אַקציע האָט באַטראָפן 16.461 זל., אין יאָר 1927 (יאַנואַר—יוני) — 11.111 זלאָטעס. אין יאָר 1928 האָט די לאַגע געשיינט צו ווערן בעסער און די באַשפּייזונג איז ניט געפירט געוואָרן.

אין יאָר 1929 האָט זיך אָבער די לאַגע אין פיר פּאָוויאַטן פון ווילנער געגנט (דיסנער, בראַסלאַווער, סווענציאַנער און פּאָסטאַווער) שטאַרק פאַרערגערט צוליב דער גרויסער אומגערעטעניש, וואָס האָט זיך נאָך געצויגן פון די פריִקע צוויי יאָר עסדר און וואָס האָט איינגאַנצן אויסגעהונגערט דעם געגנט און דערשלאָגן דעם יידישן בעל־מלאכה און קרעמער אין די שטעטלעך (ז. אויבן זייטן 451—453). ס'איז ווידער געוואָרן דרינגענד נויטיק אַ באַשפּייזונגס־אַקציע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן פון „יעקאָפּאָ“ אויף די געלטער פון ד. ד. ק. (און קליינע אָרטיקע מיטלען, ווי אויך שטיצע פון אייניקע מאַגיסטראַטן) פאַר 2.709 שול־קינדער אין 24 שטעט און שטעטלעך (אויך אין די לערער־סעמינאַרן א. א. אין ווילנע) אויף אַ סומע פון 73.516 זלאָטעס. דיסנע, וועלכע איז די אַמשאַרפּסטן געליטענע, האָט אויך אין יאָר 1930 באַקומען אַ געוויסע איינמאָליקע סומע אויף באַשפּייזונג.

אין זעלבן יאָר 1929 האָט געטראָפן דעם ווילנער געגנט אַ צווייטער אומגליק: ס'האָבן איינגאַנצן אָפּגעברענט (צוזאַמען מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן) די שטעטלעך איוויע (איינע פון די גרעסטע און לעבעדיקסטע שטעטלעך אין ווילנער געגנט, אָפּגעברענט 350 וואוינונגס־הייזער, 350 אַנדערע געביידעס, 2.500 פּערזאָן) און קאַרעליטש (תּרוב־געוואָרענע פון דער מלחמה און צוריק־אויפגעבויטע, אָפּגעברענט 105 וואוינונגס־הייזער, 56 אַנדערע בנינים, 650 פּערזאָן)*) און טיילווייז אָלשאַן (27 הייזער, 175 פּערזאָן). פאַר איוויע איז גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרעסערע הילף. ס'איז געשיקט געוואָרן ברויט, 400 קינדער זיינען אין דער ערשטער צייט געשפּייזט געוואָרן, ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ נייער קרעדיט דער גמילות־חסדים־קאַסע אויף הלוואות און דעם האַנטווערקער־פאַראיין אויף מכשירים, ס'זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן די קיילעכדיקע יתומים א. אַז. וו. פאַר קאַרעליטש און אָלשאַן זיינען אַסיגנירט געוואָרן גרעסערע סומעס אויף גרינדן דאָרט גמילות־חסדים־קאַסעס. דער קאַרעליטשער ביבליאָטעק איז געשיקט געוואָרן אַ סובווענץ מיט ביכער. אין די הילפס־אַקציעס האָט זיך דער ד. ד. ק. באַטייליקט דורך דעם קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט די לאַגע, צוגעשטעלט די נויטיקע מאַטעריאַלן, אָרגאַניזירט די הילף און באַזוכט דורך זיינע פאַרטרעטער און באַפולמעכטיקטע די אָפּגעברענטע שטעטלעך. די סובווענצן האָבן באַטראָפן איבער 2.000 דאָלאַר. די פּראָווינציעלע קאָאָפּ. בענק מיט דער ווילנער צענטראַלע און די „פונדיישן“ האָבן באַזונדערס אויסגעהאָלפן דער איוויער פאָלקסבאַנק. איוויע אַליין האָט אָרגאַניזירט אַ זייער טעטיקן אָרטיקן הילפס־קאָמיטעט (בראש מיט הרב שאַצקעס), וועלכער האָט באַקומען צוגעשיקט אויף זיינע אויפרופן ביי 5.000 דאָלאַר (חוץ פּראָדוקטן, וועש, קליידונג א. אַז. וו.). דער קאַרעליטשער קאָמיטעט (בראש מיט ה' גרשון עליאַשבערג) האָט צונויפגעזאַמלט ביי 600 דאָלאַר (נאָך איוויע זיינען שוין די זאַמלונגען צוגעגאַנגען זייער שווער) און אויך דער אָלשאַנער קאָמיטעט (בראש מיט הרב חדש) האָט פיל אויפגעטאָן פאַר דער ווידער־אויפבויאונג פון דער שטעטל. טיילווייז האָט אויך געגעבן שטיצע די מאַכט, ס'האָבן זיך אָפּגערופן די לאַנדסמאַנשאַפטן, ס'זיינען אָפּגענומען געוואָרן אַסעקוראַציע־סומעס און מיט גרויס מי און מאַטעריש בויען זיך די שטעטלעך אָפּ צוריק.

◆ ◆ ◆

---

*) אויך אָפּגעברענט דעם פאָלקסהויז מיט דער פאָלקסשול אין קאַרעליטש (ז. אויבן זייטן 197—199), מיטן פּאַפּירן פון שטעטל ווערט אויך פאַראויסגעזען דאָס צוריקפאַרבויען דעם בנין פון דער פאָלקסשול.

אונזערע שטעט און שטעטלעך

עטנאָגראַפֿישע, סטאַטיסטישע און עקאָנאָמישע פֿאָרשונגען

א ליטווישע שטעטל

(אין ציפֿער און לעבן).

דאָס שטעטל איז אונזער דאָרף, דער לעבנס־יסוד פֿון אונזער באַפֿעלקערונג. דאָס שטעטל האָט אָפֿט פֿאַרלאָרן זײַן עקאָנאָמישן באָדן, אָבער עס איז נאָך אַ גרױסע שטיק פֿון אונזער לעבנס־שטײַגער, אַ שטיק פֿון אונזער עבר און געגנוואַרט. אָבער ביז איצט האָט נאָך במעט קײנער ניט געפּרובט באַלױכטן און אױספֿאָרשן דאָס שטעטל, ווי, אַ שטײַגער, עס איז געטאָן געוואָרן מיט דעם דאָרף אין רוסלאַנד, וועלכער איז אַלזײַטיק אױסגעפֿאָרשט געוואָרן.

איך וויל מאַכן אַן אָנהייב, וואָס זאָל שטופּן אַנדערע צו אַזעלכע אַרבעטן.

זײַענדיק זומער אין אַ ליטווישן שטעטל — איז מיר געקומען דער געדאַנק אױסצונוצן די געלעגנהײט און צונױפֿצוזאַמלען מאַטעריאַל. איך האָב אױסגעאַרבעט אַן אַנקעטע און מיט דער הילף פֿון אָרטיקן יונגן סטודענט האָב איך דעם מאַטעריאַל צונױפֿגעקליבן.

I.

דאָס שטעטל וו.־ד. געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿון דער ליטויש־פּױלישער גרענעץ, אין אַ זעלטן שײנער און מאַלערישער געגנט.

צו דער נאָענטסטער אײַזנבאַן־סטאַנציע איז 35 קילאָמעטער.

אין די לעצטע 20—30 יאָר זײַנען אױסגעהאַקט געוואָרן טױזנטער העקטאַר וואַלד.

די געשיכטע פֿון שטעטל איז אײַנגעהילט אין פֿינצטערניש. יעדנפֿאַלס געפֿינט זיך דאָ אַן אַלטער בית־עולם. אױף אײן מצבה האָב איך געזען דעם יאָר הק״כ. פֿון די אַרומיקע שטעטלעך ברענגט מען קײן וו.־ד. מקבר זײַן מתים. אַלטע לײַט זאָגן, אַז דער וו.־ד. בית־עולם איז אַזױ אַלט, ווי דער ווילנער. בײַ אײן ברעג פֿון בית־עולם זעט מען נאָך איצט שפּירן פֿון לאַנגע 3 קברים. ס'גײט אום אַ לעגענדע, אַז דאָ ליגן ריזן. אָבער קײנער האָט ניט געקאָנט זאָגן וועגן דעם מער, ווי די עטלעכע ווערטער.

פֿאַרקערט, וועגן דער געשיכטע פֿון אײנער פֿון די אַרומיקע שטעטלעך ס־ם. האָט מיר אַן אַלטער מאַן דערציילט, אַז „עס איז נאָך אַ יונגע שטעטל". ער האָט געהערט פֿון זײַן טאַטער „וועגן יסיע ס—ער". דער לעצטער האָט געענטפֿערט אױף דער פֿראַגע, ווי גײט עס אים אין ס־ם. (ער האָט געהאַלטן דאָרט אַ מיל און אַ שײנק): „גאַנץ גוט, אָבער ס'איז ניטאָ קײן מנין". אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָט ער שױן געענטפֿערט אױף דער זעלבער פֿראַגע: „שלעכט: ס'איז שױן דאָ אײַנער 3 מנינים" (די מורא פֿאַר קאָנקורענץ).

אין וו.־ד. איז אױך פֿאַראַן אַ „שלאָס־באַרג" בײַם טײַך. אױבן איז דאָ אַן אײַנגעטיפֿטע פּלאַץ, אױף וועלכער ס'איז געשטאַנען, ווי מען דערציילט, אַ פּאַלאַץ, וועלכער איז „אײַנגעזונקען געוואָרן". פּרטים זײַנען דאָ אױך ניטאָ.

דאָס שטעטל האָט געהערט אַמאָל צו אַ פּריץ. אַ ייד האָט געהאַלטן די „פּראָפּינאַציע" (דאָס אױסשליסלעכע רעכט צו טרײַבן און פֿאַרקױפֿן בראַנפֿן). ר׳ הירשל וו.־ד.—ער איז געווען אַ ייד אַ תּקיף, פֿאַר וועלכן דאָס גאַנצע שטעטל האָט געציטערט. די „פּראָפּינאַציע" האָט זיך שפּעטער אײַנגעהאַלטן אין שטעטל ביזן אײַנפֿירן דעם מלוכה־מאָנאָפּאָל אין וויטטעס צײַטן. ס'איז געווען נאָר אײן „קרעטשמע", בעת אין אַנדערע שטעטלעך זײַנען געווען 7—8 קרעטשמעס. דער קרעטשמער איז געווען אָט דעם הירשל וו.־ד.—ערס אײניקל ר׳ לײזער*). און אױך ער איז געווען דער „באַלעבאָס" פֿון שטעטל. גױים האָבן צו אים געהאַט דעם גרעסטן צוטרױ און האָבן אים ליב געהאַט, הגם ניט אײנער האָט פֿון דעם קרעטשמער געקראָגן פּעטש, פֿאַר סומלען שיכּורערהײט. אין שול, אַז ר׳ לײזער פֿלעגט דערלאַנגען אַ קלאַפּ אין שטענדער, פֿלעגט ווערן שטיל. ער האָט געהײסן „זאָגן" די לענגסטע פּיוטים, און מען פֿלעגט פֿון זאָגן. איבערהיפּן האָט ער ניט געלאָזן. ניט אײן „יונגאַטש" פֿלעגט כאַפּן פּעטש און עס אָננעמען פֿאַר רעכט. וועגן אַ פּראָטעסט האָט ניט געקאָנט זײַן קײן רײד.

נאָר עס זײַנען אָנגעקומען נײַע צײַטן. מיט אַ יאָר 25 צוריק האָט זיך די „יונגאַטשעס" פֿאַרוואָלט אַ רב. ביז דעמאָלסט איז געווען נאָר אַ שוחט, וועלכער האָט געפּסקנט שאלות און די דעה האָט געהאַט ר׳ לײזער. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך צעטײלט אױף 2 צדדים. אײנער פֿאַר אַ רב, דער צווייטער — קעגן. בנצח געווען האָט, נאָך לאַנגע מחלוקות און געשלעגן, דער ערשטער צד און אַ רב איז געקומען. מען האָט אָבער פֿאַר אים קײן גרויסן דרך־ארץ ניט געהאַט און אים גערופֿן „רבל" (ער איז נאָך אַ יונגערמאַן געווען). אָבער די תּקיפֿות פֿון קרעטשמער איז שױן אַראָפּ. אמת, דער רב האָט ניט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן. אױסער דעם אָפּצאָל פֿאַר הײוון, האָט ער קײן שכירות ניט באַקומען און הכנסות ניט געהאַט. ער האָט אױך געעפֿנט, ווי אַלע קלײנשטעטלדיקע אײדעמס, אַ קרעמל און דורך דעם אַרױסגערופֿן קעגן זיך אַ פֿאַרביטערונג פֿון די קרעמער. דאָך עד־היום איז דער רב אַ קרעמער. און שטעטל האָט זיך שױן מיט דעם אײַנגעלעבט.

אין די לעצטע 25 יאָר האָט דאָס שטעטל 2 מאָל אָפּגעברענט. דעם לעצטן מאָל מיט 20 יאָר צוריק. אָבער בײדע מאָל זיך אָפּגעבױט. ס'זײַנען אַפֿילו אַנטשטאַנען אין מיטן מאַרק 2 „מײַערן", אָבער בײדע זײַנען געבליבן ניט פֿאַרענדיקט. אין דער צײַט פֿון די רוסיש־דײַטשע שלאַכטן — זײַנען אַלע יידן אַנטלאָפֿן. געבליבן זײַנען נאָר 2—3, צווישן זײ לײזער דער קרעטשמער. די קאָזאַקן האָבן זײ געוואָלט שיסן, נאָר ס'זײַנען אַנגעלאָפֿן די דײַטשן און זײ זײַנען ניצול געוואָרן. אַלע יידן, וועלכע זײַנען אַנטלאָפֿן קײן ווילנע (דאָס שטעטל איז 60 קילאָמעטער פֿון ווילנע), האָבן זיך צוריקגעקערט אין עטלעכע וואָכן אַרום. אײנער נאָר איז פֿאַרבליבן אין רוסלאַנד.

II.

אין אַלגעמײן האָט זיך די צאָל פֿאַמיליעס אין וו.־ד. ניט געענדערט, זי איז געבליבן דיזעלבע, ווי פֿאַר דער מלחמה. מיט דעם איז ניט געזאָגט, אַז דאָס זײַנען אײנע און דיזעלבע פֿאַמיליעס. אין אײניקע זײַנען אָפּגעשטאָרבן די ראָשי־המשפּחה, אָבער אױף זײער אָרט זײַנען צוגעקומען נײַ־געשאַפֿענע פֿאַמיליעס. אײניקע זײַנען אַריבערגעפֿאָרן אין אַנדערע שטעטלעך.

דאָס שטעטל צײלט 65 יידישע פֿאַמיליעס אין בערך אַזױפֿיל קריסטלעכע. בסך־הכּל 272 נפֿשות, מיט קריסטן 559 נפֿשות. צווישן די יידן זײַנען מענער—139 (52 פּראָצ.), פֿרױען—133 (48 פּראָצ.). דערוואַקסענע פֿון 20 יאָר—81 מענער, 87 פֿרױען, ס״ה 168 (52 פּראָצ.). צווישן זײ 6 עלטערע פֿון 70 יאָר (2,2 פּראָצ.), 1—אַ 90־יאָריקער. די צאָל קינדער—ביז 6 יאָר—42 (15 פּראָצ.), פֿון 6 ביז 10 יאָר—14, פֿון 10 ביז 14 — 12, פֿון 15 ביז 20 — 36 (יוגנטלעכע, 13 פּראָצ.).

פֿון די ציפֿער קאָנען מיר מאַכן פֿאָלגנדיקן אױספֿיר. די גרעסטע צאָל קינדער אין אַ פֿאַמיליע פֿון אַמאָליקע צײַטן איז שױן אין עבר. דורכשניטלעך האָבן מיר אױף אַ פֿאַמיליע $4\frac{1}{6}$ נפֿשות, אַראָפּרעכענענדיק דעם טאַטער און די מוטער, באַקומען מיר $2\frac{1}{6}$ קינד אױף אַ פֿאַמיליע. די עקאָנאָמישע לאַגע האָט שױן אין דעם פּרט אױך אַרײַנגעלײגט איר האַנט אין שטעטל. האָבן אַ פֿילע קינדער איז געוואָרן אוממעגלעך. אמת, מיר זעען, אַז ביז 6 יאָר איז דאָ 42 קינדער און פֿון 6 ביז 14 יאָר — נאָר 26 קינדער. אָבער מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז דער לעצטער עלטער פֿאַלט אױס אױף די מלחמה־יאָרן, ווען געבורטן זײַנען געווען אַ סך ווייניקער, און די פֿאַרהעלטניסמעסיק־גרויסע צאָל קינדער ביז 6 יאָר לאָזט דעריבער ניט מאַכן דעם אױספֿיר, אַז נאָך דער מלחמה האָבן זיך אומגעקערט די „אַלטע גוטע צײַטן", ווען אין די שטעטלעך פֿלעגט מען מיט אַ 20—30 יאָר צוריק טרעפֿן פֿאַמיליעס מיט 10—12 קינדער און דער דורכשניט איז געווען ניט ווייניקער ווי 4—5 קינדער אױף 1 פֿאַמיליע.

לויט דער באַשעפֿטיקונג טײלט זיך די באַפֿעלקערונג אױף פֿאָלגנדיקן אופֿן: 17 קרעמער; 17 בעלי־מלאָכות (5 שנײַדער, 3 שמידן, 2 שוסטער, 1 שטעפּער, 2 טאָקערס (די לעצטע 2 זײַנען ברידער און פֿאַרנעמען זיך גלײַכצײַטיק אױך מיט גלעזערײַ, סטאָליערײַ, מאָלערײַ, שירעס־מאַכערײַ וכדומה), 1 קירזשנער, 1 גלעזערקע, 1 סטעלמאַכער, 1 פֿישער; 4 הײמ־אינדוסטריע (2 טשאַכראַלניעס, וואָס קעמען וואָל, 1 קאַלכנברענער, 1 קיראָסניק); 1 פֿירמאַן; בײַ 4 איז פֿאַרבונדן אַ צוגאָב־פּראָפֿעסיע (צו אַ קראָם, צו אַ קיזאָס־אױסאַרבעטונג און צום הגדל־סחר), 4 קצבים (אין אײן פֿאַמיליע); 3 קאָראָבעיניקעס (פֿאָרן איבער די דערפֿער און פֿאַרקױפֿן דיף, גאָרלעך, שיוועלעך אאַז״וו און קױפֿן שמאַטעס (קאָרער); 4 לופֿט־מענטשן; 2 סאָדן־פּאַכטער; 3 כלי־קודש (רב, שוחט־חזן און שבת־מלמד); 2 לערנער, 1 בעדער, 1 פֿעלדשער. אױסער דעם זײַנען נאָך דאָ אין שטעטל 7 שנײַדערקעס (אין דעם 4 פֿאַרהײראַטע), 1 זאָקנמאַכערקע, 1 פֿאַרנערקע.

אַנאַליזירנדיק דעם פּראָפֿעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פֿון דער באַפֿעלקערונג—זעען מיר קודם־כּל, אַז דער פּראָדוקטיווער עלעמענט איז אין שטעטל ניט אַזױ קלײן, ווי מען שטעלט זיך אָפֿט פֿאָר. עס פֿאַלט אױס, אַרײַנרעכענענדיק אתער פֿורמאַנעס, קצבים, שנײַדערקעס קרוב 25 פּראָצ. פֿון דער

---

*) די נעמען זײַנען געענדערט.

דערי-אַקסענער באַפעלקערונג. איבעררעכנענדיק אויף נפשות, וועלכע זיי האַלטן אויס איז עס פיל מער. צוג באַדינערן זיינען כמעט ביי די אַלע בעלי-מלאכות קיין לערן-יינגלעך ניטאָ. איין יונגט־לעכער לערנט זיך שלאָסעריי (ביי אַ קריכט), 1 ביי אַ שמיד, 3 ביי שניידער. פאַר שניידערקעס לערנען זיך 5 מיידלעך.

פון דעם איז צו זען, אַז די יידישע מלאכה לאָזט כמעט ניט איבער קיין נאָכפאָלגער.

מערקווירדיק איז דער פאַקט, אַז אין משך פון 2—3 יאָר האָט זיך די צאָל קרעמער פאַרקלענערט פון 30 אויף 17, ד. ה. אויף 40 פּראָצ. די אויבנגעהויבענע שטייערן, די קאָנקורענץ און בכלל דער באַגרענעצטער געברויך מצד דער באַפעלקערונג (אָפט פלעגט דער קרעמער אַליין זיין דער איינציקער געברויכער), האָבן געטריבן צום פאַרמאַכן די צו גרויסע צאָל קראָמען. די קראָמען זיינען „אוניווערסאַלע". אָבער מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי גרויס קאָן זיין דער אַסאָרטימענט פון יעדער סחורה, ווען אין קראָם געפינט זיך אינגאַנצן סחורה אויף אַ סומע פון 10—20 ביז 500 דאָלאַר, מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריי, קאָלאָניאַל און אַפּטייקערישע סחורה. צוליב דער ריבערענץ אין ביליגקייט אויף ניכטיגלעך עטלעכע גראָשן פאָרט אַוועק דער קויפער אין אַן אַנדער שטעטל, וואו ס'זיינען דאָ אַזויגערופענע „איינגעצייכנטע" מערק, ד. ה. אַזעלכע, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט פאַר דער מלחמה. איצט זיינען דאָ אין יעדן שטעטל מערק-טעג. אויסער דעם מאַרק-טאָג, איז אַבסאָלוט אין קראָם קיין לייזונג ניטאָ. אָבער אויך אויפן מאַרק קומען סוחרימלעך פון אַנדערע ערטער און אויף אַזאַ אופן שאַפן זיי קאָנקורענץ די אָרטיקע קרעמער. ס'איז אוממעגלעך פאָרצושטעלן דעם דורכשניטלעכן ריוח פון אַ קרעמער. אויב מען זאָל נעמען דעם ברוטאָ-לייזונג — וואָס באַטרעפט אין די קליינע קרעמלעך (וועלכע זיינען אין מערהייט) 3—6 דאָלאַר אַ וואָך — איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי דער קרעמער לעבט דורך. אויף דעם די תשובה — קצבה פון אַמעריקאַנער קרובים. אייסערדעם ביי 4 קרעמער איז פאָרהאַנען אַ צוגאָב-פּראָפעסיע. זיי פירן „פּאַסאַזשירן" פון באַן. פון איין שטעטל צום אַנדערן אָדער „צום באַן", אַנדערע פאַרנעמען זיך מיט „קצבות", ווי „קאַצעוון", ד. ה. קויפן ביי די פויערים קעלבער, קוילן זיי און „פאַרדינען פאַר זיך אַ זייטל פלייש", ס'בלייבט זיי „אין ריוח" די פלייש, וואָס זיי עסן אויף אַליין אין פאַמיליע.

בכלל אָבער איז זייער שווער דורכצופירן אַ שטרענגע דיפערענצירונג פון די קליינשטעטלשע פרנסות, ווייל אָפט איז איין און דיזעלבע פּערזאָן אַ קרעמער, אַ בעל-מלאכה, אַ פורמאַן, אַ לופט-מענטש א. אַ. וו.

וואָס איז שייך די „לופט-מענטשן" — איז קלאָר איינס, אַז מיט לופט לעבן זיי ניט, אָבער זייערע פרנסות כאַפּן זיי ממש פון לופט. אמת, מען כאַפּט זיך אָן אָפט אָן „איבערגעריסענעם שטרויי". מען כאַפּט אַמאָל אַ גראָשן פון אַ מאַרק-טאָג, מען קויפט אַ הון, אייער, חזיר-האָר, מען „קצבט אַמאָל אונטער". ווינטער קויפט מען זויבען, אין האַרבסט אייבס (פרוכט), אין פרי-יאָר זומער-תבואה, קאָרן (דאַמאָלסט פעלט אויס אָפט ביי פויערים תבואה — דאַרפן זיי עס צוקויפן). אַמאָל אַ מעק עריי פון אַן „עסק", סרסרות („איינמאָל אָדער קיינמאָל אין אַ יובל") און נאָך אַזעלכע „זייטיקע פרנסות".

אַמאָל איז אַרום שטעטל געווען „אויסצוסאַן וועלדער", „דיעליאַנקעס" (באַשטימטע וואַלד-טיילן), און אין שטעטל זיינען געווען אַ 4—5 „וואַלד-סוחרים". אין דער אמתן זיינען דאָס געווען אמתע לופט-מענטשן. מערסטנטיילס „איידעמס אויף קעסט". באַקומענדיק די פּאָר הונדערט אָדער טויזנט ריבל נדן, פלעגט מען עס „פאַרליינען אין וועלדער". אָפט האָבן אָבער די ניט געניטע אין בכחר איידעמס זייער גיך „געפּטרט דעם נדן" און מען איז געוואָרן לופט-מענטשן.

בכלל די גרויסע צאָל קראָמען שטאַמען אויך פון די איידעמס. ווען עס איז ניטאָ וואָס צו טאָן, פלעגט מען עפענען אַ קראָם. איצט אָבער האָט זיך דער צוּוואַקס פון קראָמען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. דער „אָגולניק" (אַנגראָסיסט) גיט ניט קיין קרעדיט. וואָס האַלטן אַ קראָם איז איצט פאַרבונדן מיט צו גרויסע שטייערן: ס'לוינט ניט.

III.

וועגן דער מלאכה אין קליינשטעטל איז קיין פיל גוטס ניטאָ וואָס צו זאָגן. דאָס איז „פאַרפאַסטעריי", דורכויס. פאַרשטייט זיך, ניט אָן אויסנאַמען. אַגב איז כמעט אין קיין שטעטל ניטאָ קיין ספעציעלע צופאַרבעטונגען, וואָס זאָלן באַשעפטיקן אַ באַדייטנדע טייל פון דער באַפעלקערונג.

איך ווייס נאָר פון איין ליטווישע שטעטל, דאָס איז יאַנעוויץ, וועלכע איז באַרימט מיט אירע יידישע סטאָלערס.

וואָס איז שייך דער קאַטעגאָריע כלי-קודש — וועלכע געפינען זיך אין יעדער יידישן ישוב, איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַ שוחט און אַ חזן זיינען שטענדיק פאַרגעשטעלט אין איין פּערזאָן. דאָסגלייכן שמש און דרדקי-מלמד. דער פאַרדינסט פון אַ מלמד-שמש איז אַ 6, 7 דאָלאַר אַ חודש. דער רב פון שטעטל האָט דעם אָפּצאָל פאַר הייוון, אויסערדעם, ווי געזאָגט, איז ער אַ קרעמער.

פון 65 פאַמיליעס האָבן קי 32 (50 פּראָצ.), 5 צו 1 ציג (8 פּראָצ.). אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט כמעט יעדע פאַמיליע (55 ביז 60 פּראָצ.) זיך איינגעשאַפט אַ קו, ווייל מילך פּריוואַט איז געווען אוממעגלעך צו באַקומען און איין קו פאַר אַ פאַמיליע איז געווען דערלויבט צו האָבן. איצט אָבער, ווען מילך קאָן מען באַקומען אומעטום און ביליק, לוינט ניט צו האָבן קיין זאָרג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אויסהאַלטן אַ קו. קודם-כל מוז מען אָנקומען צום שטעטלשן פּריץ, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו פיטערן די קו אויפן פעלד, קומען-קומט אויס צו צאָלן פון 10 ביז 15 דאָלאַר „פּאַסע געלט" פאַר אַ זומער. מען דאַרף אויפשטיין נאָך פרי (3 אַזייגער), טרייבן די קו אין פעלד אַריין, ביי טאָג דאַרף מען גיין אָפט ווייט איר מעלקן און אין אָוונט גיין די בהמה „באַגעגענען". ניט איין וואָרט די קליינשטעטלשע באַלעבאָסטעס ווילן ניט האָבן די הכבודה אָדער, ווי מען זאָגט עס אין שטעטל, „טרודאַ". ציגן האַלטן אָרימע שטעטלשע איינוואוינער, וועלכע פּאַשען זיי אַליין, אָדער ריימען ערגעץ וואו גראָז פאַר זיי.

אין שטעטל זיינען דאָ 9 „יידישע פערד", וועלכע ווערן אויסגעניצט אויף פאַרשיידענע אופנים, הויפטזעכלעך צו פורמאַנעריי. ס'ווערן אָבער אויך מיט די פערד אויסגעאַרבעט אייגענע גערטנער, אָדער זיי ווערן פאַרדונגען דורך זייערע באַלעבאַטים אויף פאַרשיידענע צוועקן, ווי „אונטערפירן" נאָך סחורה, פירן האָלץ פון וואַלד א. אַ. וו.

ערדאַרבעטער זיינען אין שטעטל ניטאָ. 1 ערדאַרבעטער, וועלכער איז געזעסן 39 יאָר אויף ערד און איז גלייכצייטיק אַן אונטערנעמער פון פישפאַנגעריי, באַאַרבעט טיילווייז אַליין זיין ערד. אין קאָרן-שניט שניידן מיידלעך אַליין אָפּ די תבואה, וועלכע זייערע עלטערן באַאַרבעטן מיט געדונגענע קריסטלעכע אַרבעטער (אין 2 פאַמיליעס). קלענערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט ווערן יע געטאָן דורך יידן אויף גערטנער אין אייגענע פעלדער: צוזאַמענבינדן די תבואה, אָפּגראָבן אָדער אַרומגראָבן קאַרטאָפל, קרויט, בוריקעס.

די צאָל, וועלכע באַשעפטיקט זיך דערמיט, איז ניט פעסטגעשטעלט. נאָר דערגייט קיים ביז 10—15 פּערזאָן; 22 פאַמיליעס (34 פּראָצ.) האָבן ביי זייערע הייזער גערטנער אויף גרינוואַרג און קאַרטאָפל, אָבער די גערטנער ווערן באַאַרבעט דורך גויעס מיט קליינע אויסנאַמען (די גרייס פון די גערטנער איז פון ¼ ביז 1 העקטאַר; 1 הקטאַר איז אַ נענייץ דעסיאַטינע). דערפאַר „זעען" אַלע שטעטלשע איינוואוינער אייגענע קאַרטאָפל אויף די קריסטלעכע פעלדער, אויף וועלכע זיי גיבן „יידישע מיסט". די שטעטלשע פויערים באַקומען דערפאַר ניט באַצאָלט מיט געלט, אָדער סחורה. בעלי-מלאכות צאָלן מיט זייערע אויסאַרבעטונגען. די פעלדער ביי די פויערים פאַרבעסערן זיך שטאַרק פון די „יידישע מיסט" און עס איז גלייך אונטערצושיידן די פעטע שטעטלשע פעלדער פון די מאָגערע דאָרפישע.

מיט 20—30 יאָר צוריק האָבן אין ראַיאָן פון שטעטל (וואָלאָסט, גמינע) געוואוינט אויף ישובים*) (אין ענגן זין פון וואָרט) און אין דערפער ביז 37 יידן. זיי האָבן געהאַלטן קרעטשמעס, אַרענדירט ערד, געהאַלטן גערטנער (אוגערקעס), און גרעסטן טייל זיינען עס געווען דאָרפישע בעלי-מלאכות: שמידן, קוסטער און שניידער. איצט איז פון די 37 ישובניקעס געבליבן נאָר 5 (13 פּראָצ.), אין דעם 1 מילנער, 1 אַרענדאַטאָר, 1 ערדאַרבעטער, 1 וואָס לעבט אויף די סטיפּע פון אַמעריקאַנער קינדער, 1 אַרענדאַטאָר און גלייכצייטיק אינהאַבער פון אַ ווינט-מיל. די ישובניקעס פלעגן זיך אין די פריערדיקע צייטן אפילו צוזאַמענקומען אין אַ צענטראַלן ישוב שבת דאַווענען מיט אַ מנין. זינט אָבער מען האָט פאַר די צאַרישע צייטן אַרויסגעזעצט יידן פון דערפער — האָט זיך די צאָל ישובניקעס אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן. נאָר אַלט-געזעסענע האָט מען געלאָזן. איניקע זיינען געשטאָרבן. אַ טייל האָבן עמיגרירט. אַנדערע זיינען אַריין אין שטעטל צוליב ערציען די קינדער, הגם עטלעכע ישובניקעס פלעגן ברענגען לערער פון ווילנע**). קיין נייע זיינען ניט צוגעקומען. אין די לעצטע יאָרן, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַזויגערופענע אַגראַר-רעפאָרם אין ליטע, פון וועלכע יידן ווערן לגמרי באַזייטיקט (די, וואָס האָבן אָנגעוואוינט אויף ערד צו 40—50 יאָר, ווערן אומבאַרחמנותדיק אַרויסגעזעצט) האָט זיך די צאָל ישובניקעס שטאַרק פאַרקלענערט און איצט איז אַ ישובניק אַ ניסטיקער איינצל-פאַל. בכל אופן קאָן מען זיין זיכער, אַז אין איניקע יאָר אַרום וועט שוין ניט בלייבן קיין איין יידישער ישובניק. דאַרום וואו זיי זיינען נאָך איצט געבליבן איז עס צוליב דעם, וואָס די אַגראַר-רעפאָרם איז נאָך ניט אומעטום דורכגעפירט.

די ישובניקעס זיינען געווען אַן אייגנאַרטיקער געזונטער פאָלקסטימלעכער עלעמענט, אַ ביסל

---

*) אין ליטע רופט זיך „ישוב" אַן איינזאַמע הויז, ניט אין אַ דאָרף (זאַסציאַנק, כוטאָר, יעדנאָסעל).

**) אויפן ווילנער שול-הויף איז געווען אַ מעקלער פון מלמדים, לערער האַלבע אַנאַלפאַבעטן. דעם דאָזיקן „אינסטיטוט" האָט מען גערופן אין שפּאַס „גבעת הערלות".

א פארגרעבטער, אבער א קארגדיקער. דאס שטעטל האט האלט געהאט אפצילאכן פון דעם פארגרעבטן ישובניק, קוקנדיק אויף אים פון אויבן אראפ.

עס האבן זיך אויסגעבילדעט א מאסע קליינשטעטלשע אנעקדאטן וועגן ישובניקעס, אבער, אויב מען דערציילט עס איצט ווען ניט ווען, איז עס שוין ניט מער ווי געשיכטע אין פאלקלאר *).

די ישובניקעס זיינען שוין לאנג געווארן אדער קליינשטעטלשע באלעבאטים, אדער קליינשטעטלשע ארימע לייט, אויב זיי זיינען ניט אויפן עולם-האמת.

IV.

יעדער קליינשטעטלער ייד שטרעבט צו וואוינען אין אן אייגענע הויז (אדער ווי מען זאגט אין שטעטל „כאלופע"). באלעבאטים, וואס וואוינען אין אייגענע הייזער זיינען דא 37 (57 פראצ.), אבער כמעט אלע הייזער זיינען געבויט אויף פרעמדע פלעצער, פאר וועלכע מען צאלט יערלעכע „פלאצאווע" פון 10 ביז 20 רובל א יאר (איבערגעשאצט אויף איצטיקע געלט). נאר 3 הייזער זיינען געבויט אויף אייגענע פלעצער. אין געדונגענע דירות וואוינען 23 (35 פראצ.), 5 וואוינען אין שכנות (7 פראצ.). אלע הייזער זיינען הילצערנע מיטן אויסנאם פון 2 „מויערן". די גרעסטע צאל הייזער באשטייט פון 2 צימערן, איבערגעצאמטע מיט האלבע אדער [illegible]-דיקע גרעטער, בערך א 10 הייזער באשטייען פון א גרעסערער צאל צימערן. קיין וואוינונג האט ניט קיין שום באקוועמלעכקייטן. די מעבל איז מערסטנסטיילס אלט און אפגעלאזן. אנשטאט שטולן — בענקלעך. אפט איז אין דירה ניטא אפילו קיין אלמער. אין דער צייט פון מלחמה זיינען א פילע זאכן רואינירט געווארן און קיין נייע האט מען ניט איינגעשאפט. די דילן ווערן געוואשן אין „באלעבאטישע" הייזער ניט אפטער ווי איינמאל א וואך, אין ארימערע אפטמאל 2 מאל א יאר. שפייכלעכער זיינען איי גאנץ שטעטל דא נאר אין 3—4 הייזער. דער קליינשטעטלדיקער איינוואוינער זארגט ווייניק פאר ריינקייט און באקוועמלעכקייט.

די ווענט ווערן געווייסט 1 מאל אין א פאר יאר, אמאל זעלטענער אויך. עס טרעפט אבער אויך, אז אלע ערב פסח ווערט געווייסט. א גאנצן טאג קומט מען אפ מיט „צבי-ויאס", א שטיקל הערינג, קארטאפל, א גלאז מילך. מיטאג קאכט מען נאר אין געציילטע הייזער, און א באשטימטע צייט אויף מיטאג איז בכלל אין ערגעץ ניטא („ווען עס מאכט זיך"). די עלטערע עסן ניט מער ווי צוויי מאל א טאג. אזייגער 10 אינדערפרי און 6 פארנאכט. קיין פילע מאכלים מאכט מען ניט: זופ מיט א שטיקל פלייש, אדער מילכיקע זופ און פאר דעם „צמעס" מיט ברויט. „אז מען עסט—וואס מען עסט, עסט מען, אבי צו דערהאלטן די נשמה" — הערט איר אומעטום. שבת, פארשטייט זיך, איז אנדערש. פלייש, לאקשן זופ און צימעס פרייטאג-צונאכט. שבת געהאקטע הערינג, טשאלנט מיט פלייש און קוגל. צוליב דער שוואכער דערנערונג, ניט אזוי פון ארימקייט ווי פון אפגעלאזנקייט — וועט איר אין שטעטל ניט געפינען קיין דיקע פולע מענטשן. די קינדער צעדארטע, מאגערע.

אויף היגיענישקייט איז מען אויך ניט אזוי מקפיד. ווען עס טרעפט, אז חדשימווייז וועט מען ניט הייצן די באד (צוליב דעם וואס מען דארף מאכן א רעמאנט, אדער כ'פעלט געלט אויף האלץ), וועט זיך דער קליינשטעטלדיקער איינוואוינער ניט וואשן און ניט צוואגן (פארשטייט זיך ניט אן קליינע אויסנאמען).

ניט אלע פרויען באנוצן די מקוה. אין באטרעפנדן עלטער (ביז א 60 פראצ.). סיי די מקוה, סיי די באד ווערט זייער זעלטן גערייניקט. די וואסער אין מקוה ווערט געביטן ניט אפט און האט א שלעכטן גערוך.

דער רעליגיעזער גייסט אין שטעטל, אדער פאנאטיזם לאזט זיך ניט אזוי שטארק פילן. ס'איז מער א טראדיציע. אמת, די שטעטל צווישן די ארומיקע האט געגאלטן אלס ליבעראלע. אין אנדערע שטעטלעך האט מען גערופן די באלעבאטים „יו-ד-רער שליאכטע". פון דער גאנצער מענלעכער באפעלקערונג דאווענען אלע טאג ביי 35 פראצ. אין שול איז דא אלע טאג א מנין, אבער מער ווי צוויי מנינים [illegible] קומען ניט. דאקעגן שבת, גייען אלע אן אויסנאם, אפילו די וואס דאווענען ניט אלע טאג. ס'גייט אבער ניט אריבער קיין שבת אן מחלוקות אין שול אדער עכוב הקריאה. דערביי זיינען פון דא א 5—6 שטענדיקע טומלער.

מיר איז אויסגעקומען בייצוזיין אויף פאלגנדע סכסוכים. אויף איינעם א יידן האט מען געמאכט א פראטאקאל, פארוואס ער האט געקוילעט ניט אין א באשטימטן ארט א בהמה און דערביי אן א דערלויבעניש. דער ראש-הפאליציי האט געפאדערט 200 ליט (20 דאלאר), וועט ער מבטל מאכן דעם פראטאקאל.

דער שולדיקער האט מעכב הקריאה געווען און געפאדערט, היות, ווי אלע קויפן און אלע עסן פלייש — זאל מען צוזאמענמאכן די 200 ליט און פאר אים אריינטראגן. אניט האט ער געדראט — וועט ער זיך „רעכענען" מיטן שטעטל (ד. ה. מסרן).

צוויי טעג האט געדויערט ביז מען האט זיך מפלפל געווען, איבערגעקריגט און דעם בעל-דבר איז דערעסן געווארן צו שטיין ביים ארון-קודש און ער איז ארויס אבל וחפוי ראש.

קיינער איז אבער בעת דעם סכסוך אהיים ניט געגאנגען און געדולדיק געווארט ביז מען וועט „לייענען".

א צווייטן שבת (נחמו) איז שוין נאך דער קריאה פארגעקומען א קריג צוליב דעם, וואס מען האט איינעם ניט איינגעטיילט קיין עליה, ווייל ער האט געהאט יארצייט.

תשעה באב ווארפן זיך יונגווארג מיט בערעלעך און אפשערכסן ווערן אנגעגריסן די, וואס פראטעסטירן. ווען איינער באקומט א פעקל בערעלעך אין בארד ארויין און שטילערהייט דראפעט ער זיי ארויס און זאגט זיך ווייטער זיינע קינות — וועט מען אים לאזן צורו. אבער, ווען עמיץ הויבט אן צו ליארמען קעגן די „בארוועסנע", „יונגאטשעס" — וועט ער שוין קיין גאנצער פון עסק ניט ארויס. מען הייבט אים אן כמעט צו באמבארדירן פון אלע זייטן און דערצעלבט פארקאכט זיך די ריכטיקע תחינה. דער פראטעסטאנט ווארפט זיך אויפן ערשטן אונטערן האנט און (אמאל האט ער נאך א טעות דערצו) דערלאנגט פעטש.

דא נעמט זיך אן א טאטע, א קרוב און כתב חברה. ס'ווערט לעבעדיק. מען שרייט, מען קטויעט זיך, מען פאטשט איינע די אנדערע. פאר חברה ווערט פון תשעה באב א שמחת תורה. א הו-הא, א געטומל: דער תשעה באב איז איינער, וועלכן מען רופט „שאיע געדעכט" (ער האט ביי עקב פון קריאת התורה געזאגט עטלעכע ווערטער, און חברה האט איראניש א געשריי געטאן „שאיע איז געדעכט". ער האט עס אנגענומען פאר א ראיעלע סחורה און געזאגט „אוודאי איז שאיע געדעכט" און אזוי איז ער שוין פארבליבן מיט דעם צונאמען) ארויסגעלאפן פון שול יאגן זיך נאך די „יונגאטשעס", וועלכע האבן אים מכבד געווען מיט א פארגרעסערטער צאל בערעלעך. ס'איז געווען אויפן גאס חושך. שאיע האט געשריען און געשאלטן און יונגלעך זיינען געלאפן און געשריען: „שאיע איז געדעכט".

אזעלכע און ענלעכע סצענעס חזרן זיך איבער יעדן ערב תשעה באב ביי קינות.

תשעה באב נאך קינות גייט קליין און גרויס אויפן פעלד (בית-עולם). מען דערמאנט זיך אויף די קברים וועגן דעם, יענעם. מען רעדט וועגן אלטן בית-עולם א. א. וו.

אפט ענדיקן זיך די סקאנדאלן אין שול מיט פאליציאישע פראטאקאלן און עס זיינען געווען פאלן, ווען דער בית-המדרש איז געווען א לענגערע צייט געשלאסן.

ס'איז ניטא דער אמאליקער אויטאריטעט פון וועלכן קליינשטעטלשן תקיף, פאר וועמענס „רוף" (גייכס) מען פלעגט ציטערן.

לעצטנס, האט שוין יוגנט אנגעהויבן צו גיין אין גאס אן היטלען. לכתחילה איז דאס פאר שטעטל געווען א גרויסער וואונדער. מען האט געליארעמט א שבת אין בית-המדרש, הלמאי זיינען

---

*) אט זיינען בייספילן פון אייניקע ישובניקעס אנעקדאטן:

מען רופט אויף א ישובניקס א זון צו אן עליה. ער מאכט א ברכה... בורא מיני מזונות. רופט זיך אפ זיין טאטע: ער איז אלץ געווינט צו די בולקע.

דעם זעלבן זון גיט מען אן אנדער מאל גלילה. ווען ער גייט ארויף אויפן בימה פרעגט מען אים צי ער וועט עס קענען — ענטפערט ער: Го! я и не гетакіе колоды воротил ניט אזעלכע קלעצער האב איך געקערט.

זיצט דער טאטע מיטן זון פאר נעילה. דער טאטע כראפעט. ביי פתיחת נעילה וועקט אים דער זון „טאטע, טאטע שטיי אויף, מ'עפנט שוין די טירעלעך". דער טאטע כאפט זיך אויף א דערשראקענער און שרייט אויס: „א יוק, א יוק" (מיט דעם ווארט טרייבט מען צוריק חזירים. ביים עפענען אויפן ישוב א טויער, קריכן אן די שכנישע חזירים).

א ישובניק עסט ערב יום-כפור פיש, קרעפלעך, צימעס, א שטיקל הון און זאגט מיט א קרעכץ: „עי! אן א ביסל זייערס (בארשטש) בין איך גאר קיין מענטש ניט".

ביים דערלאנגען דעם הייסן צימעס, פון וועלכן עס גייט א „פארע", פרעגט א ישובניק ביי דער ווייב צו זי זעט אים (דורך די פארע). זי ענטפערט, אז ניין. „גיי וואלסט זוכה זיין איבער א יאר מיר ניט צו זען".

א מאמע א ישובניצע, וועלכע שטאמט אליין פון א שטעטל, שיקט דעם זון לערנען אין שטעטל און זאגט אים אן ווי זיך צו פירן: מען דארף ניט עסן אלץ מיט א מאל, שבת נאכן דאווענען; זאגט מען איינעם גוט שבת דעם אנדערן ניט, אויף אן עלטערן ווארפט מען אן אויג א. א. וו. — די ישובניצעס זון דערלאנגט מען אפגעקאכטע ארבעס. א האלבן ארבעס בייסט ער אפ און א האלבן לאזט ער אויף דרך-ארץ. שבת נאכן דאווענען שטעלט ער זיך ביים טיר און שרייט צו די אהיימגייענדיקע „דייער (דיר) גוט-שבת, דייער ניט גוט-שבת". אין רב האט ער געווארפן מיט א קעלבערנע ארנג א. א. וו.

אונזערע ייִנגלעך „ערגער ווי גוים". ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. דערפאַר מוז מען מודה זיין, אַז יונגע היט דאָך אַ „ביסל שטאָט" (דאָס וואָרט „שטאָט", „שטאָטעק" איז אין שטעטל אַ שלאָגוואָרט. מעגסט זיין ווער דו ביזט און דורכמאַכן אין דער סטיל פון אַל־חטאן — אָבער ווען דו הייסט „שטאָטעק" — ביזטו אַ פיינער מאַן). עלטערע מענטשן האָבן מיר דערציילט, אַז חברה דערלויבט זיך אין וואַלד אָדער אין פעלד אויסרויכערן אַ פּאַפּיראָס אויך. אָבער בפרהסיה ניט. אַפילו מיט אַ שטעקל אום שבת וועט קיינער ניט וואַגן צו גיין. און עלטערע זיינען כאַפּט מיט דעם צופרידן. איינער פון זיי (אַ פרומער, אָבער אַ פּקח) האָט אויף די אָנקלאָגע פון שטאָטס־מאַמע, אַז בחורים אין מיידלעך גייען אום שבת אין וואַלד אין טראָגן אַהין קישנס, ביכער, שפּייז — געזאָגט: „מילא, וואָס זיי טראָגן אין וואַלד איז נאָך אַ האַלבע צרה — די גאַנצע צרה וועט זיין, ווען זיי וועלן אָנהייבן טראָגן פון וואַלד"...

איצט איז אין וו.־ד. (ווי אין אַנדערע ליטווישע שטעטלעך) אַ „מאַרכאַמעניע" מיט פוטבאָל. ס'האָט זיך געגרינדעט אַ מכבי־גרופּע פון 30 יונגעלייט (וועלכע מאַכט אַפילו גימנאַסטישע איבונגען אויך), אָבער די גאַנצע פרייע צייט ווידמעט מען דעם „סויקן מיטן פיס די פילקע" און די עלטערע קרעכצן: „גוואַלד די פילקע, די פילקע".

נאָר יונגוואַרג באַווייזט זיך ניט מיט פּילן אַליין. מען לאָזט איין די מכביסטע מכבי־גרופּן פון אַנדערע שטעטלעך און מען מאַכט מאַטשן. דערביי דאַרף דאָס שטעטל, וועלכע לאָזט איין, דעקן אַלע הוצאות פון די געסט: פורנעלס, עסן א. אַז. וו. נאָך אַזעלכע מאַטשן איז מען אָפּט צעקיילט און צעביילט, אָבער די מכביסטן נעמען זיך מיט נאָך מער איפּעט צו דער הייליקער עבודה פון „סויקן". ביי איין מאַטש האָט די פילקע געטראָפן אַ באַלעבאָס, אַ בוטשער. ער האָט אַ געשריי געטאָן „מען האָט מיך דערהרגעט" און איז געפאַלן... אין חלשות. ס'איז געוואָרן אַ גערודער, אַ רעש אין שטעטל. מען האָט זיי געוואָלט מחרים זיין. דער באַלעבאָס אָבער איז אָפּגעקומען מיט שרעק און מיטן טראַכטן, אַז ער איז שוין אויפן עולם האמת. די מאַטשן דויערן ווייטער.

אמת, די מכביסטן אין ליסע פירן אויס אַלע פונקציעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קלייבן געלט אויף פאַרשיידענע קרנות, שקלים און די פונקציע ווערע גייט אַריין אַפילו אין כמאַטום. די קאָמאַנדע איז אויף העברעאיש.

בכלל איז אין וו.־ד. אחוץ דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קיין אַנדערע ניטאָ. ביז גאָר דער לעצטער צייט זיינען קליין און גרויס געווען ממש מאַרכאַמעט התלהבותדיק מיטן ציוניזם. מען האָט זיך געגרייט שוין צו אַן אַלגעמיינער עליה.

די געשעענישן אין ארץ־ישראל האָבן אָבער אָפּגעקילט דעם עלטערן דור, וועלכער האָט זיך אַנטמוטיקט און אָפט הערט מען זאָגנדיק: „עס איז אויך גאָרנים". די יוגנט איז אָבער פול מיט גלויבן אין ציון און רעכנט זיך פאַר חלוצים. פון שטעטל אַרבעטן 2 אין אַ קבוצה, וואָס גרייט צו חלוצים פאַר ארץ־ישראל.

די יוגנט האָט געגרינדעט אַ ביבליאָטעק, אין וועלכער ס'זיינען דאָ 400 ביכער, דערונטער 300 ייִדישע (75 פּראָצ.). די ביבליאָטעק האָט זומער ביי אַ 30 לעזער, ווינטער 40—45 (17 פּראָצ. פון דערוואַקסענע). דער אָפּצאָל 8 סענט אַ חודש. אויסער דעם שרייבט די ביבליאָטעק אויס 2 ייִדישע און 1 העברעאישע צייטונג. די צייטונגען גייען אַריין אין לייענזאַל ביי דער ביבליאָטעק, וועלכע איז אָפן פון 9 ביז 11 אָוונט. אין שטעטל שרייבט קיינער ניט אויס קיין צייטונגען, אחוץ איינעם, וועלכער באַקומט פון ארץ־ישראל פון זיינעם אַ קרוב אַ צייטונג. אויף נייעס איז מען אין שטעטל זייער נייגעריק, אָבער אויסשרייבן אַ צייטונג „ס'זאָל קאָסטן געלט" איז מען ניט קיין געלנים. די באַזוכער סיי פון ביבליאָטעק סיי פון לייענזאַל זיינען אויסשליסלעך יוגנט.

אין אַטמאָספער פון קליינשטעטל ווערן אויסגעפּיינט אַלע לינקע און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. הויפּטזעכלעך מערקט זיך עס ביי „אוירימס", געוועזענע בונדיסטן. זיי גייען געבעך מיטן סליחות־זאַק אין שול. „די פּרנסה ברענגט מיט", ווי מען שפּאַסט אין שטעטל.

.V

די „פּראָבלעם פון אוירימס", וואָס „קריגט מען ווי", ד. ה. חתונה מאַכן טעכטער איז זייער אַ האַרבע אין שטעטל. דערהויפּט, פאַרשטייט זיך, אין באַלעבאַטישע פאַמיליעס. פאַרן שטעטל איז דאָס אַ שווערע פּראָבלעם. „די בחורים ווערן משוגע", הערט איר פון די מאַמעס. „מען שעמט זיך ניט צו הייסן באַצאָלן 1000 דאָלאַר" און אַ גאַנץ געוויינלעכער קליינשטעטלשער קרעמערשער תּוך. 300—4 דאָלאַר דאָס איז שוין צום ווייניקסטן. אויסער דעם, קומט נאָך מתנות (אַ גאָלדענער זייגער), אַמט דאַרף מען נאָר דעם חתן באַקליידן, חתונה־הוצאות אאַז"וו. פאַרן קליינשטעטלשן ייִדן איז עס ביי איצטיקע צייטן „ניט איינצושטיין". דערביי, ווי מען דריקט זיך אויס אין שטעטל „פעלט אויס דער מין". הגם די סטאַטיסטיק פון שטעטל ווייזט אַן איבערוואָג פון מענער, אָבער אין חתונה־עלטער זיינען דאָ ווייניקער בחורים, ווי מיידלעך.

פאַר די יאָרן 1920—25 האָבן אויסגעוואַנדערט 7 אין אַמעריקע, 7 אין ארץ־ישראל, 1 אין אורוגוויי, 2 אין מעקסיקע. צווישן די אויסגעוואַנדערטע זיינען 70 פּראָצ. בחורים. אַלזאָ, דער מאַנגל איז פאַרשטענדלעך. אָבער דאָך איז אין שטעטל קיין אַלטע מוידן ניטאָ, נאָר איינע, עלטער פון 30 יאָר.

פאַקטיש און טעאָרעטיש איז ניטאָ ווי חתונה צו מאַכן אַ מיידל — אָבער, — זאָגט דער קליינשטעטלשער באַלעבאָס, איז עס דען אַ תירוץ: „מען מאַכט חתונה מיט נסים". אמת, דאָ קומען אין באַטראַכט די אונטערשטיצונגען (ביי איצטיקע צייטן) פון אַמעריקאַנער קרובים.

אָבער דער דורכשניט־לעבן אין שטעטל איז אויך אַ נס. פון וואַנען לעבט אַ ייִד מיט אַ פאַמיליע — איז איינע פון די סאָציאַלע רעטענישן אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. מיינע סטאַטיסטישע חקירות האָבן יאָ נאָר ניט געקאָנט פעסטשטעלן.

איצט ווערן די חתונות געפייערט באַשיידן. אַמאָל (מיט 30—40 יאָר צוריק) פלעגט אַ חתונה דויערן 3—4 טעג. 2 טעג איז געווען דאָס מינדסטע. ס'פלעגן קומען מחותנים פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך. אַ קאַפּעלע קלעזמער פון 6 מענטשן, צווישן זיי אַ ציבלער (גלייכצייטיק דער בדחן). פאַר טענץ האָבן געצאָלט די באַטשעלער. דער „פּינדעוועס" אַ קאַדריל, דער — אַ וואַלס („וואַלעק"), אַ לאַנסע און אַזו"ו. עסן און טרינקען — אייגן חשבון פון כלה'ס עלטערן. בכלל פלעגן אַלע הוצאות פון דער חתונה געדעקט ווערן פון כלה'ס צד. פאַר יעדן מחותן האָבן די קלעזמער אויסגעשפּילט אַ „ראַבייזיזיען" (אַ מין טוש), פאַר וואָס זיי פלעגן באַקומען קליינגעלט. דער בדחן פלעגט יעדן באַגעגענען מיט אַ ווערטל. „חנה איז גאָר אַ קאַטאַנע". „פאַר ר' חיים וועלן מיר מאַכן אַ לחיים". „פאַר ר' אירלען וועלן זינגען אַלע פירלען". „ר' משה וועט אונז געבן אויף אַ כוסה אַ גרויסע" און אַזו"ו.

טישן פלעגט מען אָפט איינאָרדענען אין שייערס, ווייל אין די הייזער איז געווען צו ענג פאַר אַלעמען. גאַנץ שטעטל האָט געמוזט זיין ביים טיש. נאָך „וועטשערע" פלעגט דער בדחן אויסרופן דרשה־געשאַנק, באַגלייטנדיק ווייטער יעדן „גראַפּנדיקן" („וואָרפן דרשה־געשאַנק") מיט ווערטלעך. ס'פלעגן „פאַלן" בעכערס, לעפל, צוקער־פּושקעס און דאָס רוב געלט פון 1 רובל ביז 5. אַזוי פלעגט זיך צונויפנעמען 150—200 רובל, וועלכע מען פלעגט איבערגעבן דעם חתן. ביי אָרעמע חתונות פלעגט דרשה־געשאַנק זיין אַ מין מצוה פון הכנסת־כלה.

אויפן אַנדער טאָג אינדערפרי, פלעגט ביים חתן פאָרקומען אַ „טראַקטאַמענט"־טומל. איבערביסן לעקעך, בראָנפן, איינגעמאַכטס און אַנדערע זיסקייטן, מיטאָג — ווייטער ביי דעם כלה'ס צד. ס'זיינען געווען עטלעכע „ספּעציאַליסטן" אויף משמח זיין דעם עולם.

איינער לאָזט זיך אין סקאַרפּעטקעס טאַנצן איבער די טישן, דער אַנדערער האָט געטאַנצט „קאָזאַטשקע", דער דריטער האָט געזונגען פּויערשע שיכור־לידער. אַ מאָל פלעגן אַ פּאָר פון די טענצער פאַרשטעלן פּויערים־געשטאַלטן, הומאָריסטישע סצענעס. בראָנפן פלעגט זיך גיסן, ווי וואַסער. ס'איז געווען פריילעך.

איצט זיינען שוין קיין קלעזמער ניטאָ. מען מאַכט חתונה אויף דער שטיל, ניטאָ די חתונות כתיקונם. מען פאָרט אָפט „אַ חופּה שטעלן אין שטאָט". נאָכן קידוש פאַרבעט מען די נאָענטסטע אויף שבע־ברכות, און מיט דעם איז מען יוצא. אויס דרשה־געשאַנק, אויס האָפּקעס, אויס בדחנים און אַלע איבעריקע קלאַפּער־געצייג פון אַמאָליקע שמחות. די מלחמה האָט דורכגעפירט אַ שווערן שטריך איבער די פריילעכע ייִדישע שמחות, וואָס זיינען געווען דער איינציקער שטראַל ליכט אין ייִדישן אייביק פאַרזאָרגטן לעבן.

איך ווייס ניט וויפל פאַמיליעס זיינען געווען אין שטעטל מיט אַ יאָר 30-40 צוריק, ס'איז שווער פעסטצושטעלן, אָבער מער, ווי איצט. הגם אין משך פון דעם איין לעצטן יאָר זיינען געווען 4 חתונות, ביי 6 געבורטן און 2 טויטפאַלן. אַלזאָ, געבורטן אין 3 מאָל מער ווי טויטפאַלן. אָבער דאָס שטעטל גערייהעט ניט.

.VI

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער רעזערוו פון ישובניקעס, וועגן וועלכע ס'איז שוין דערמאָנט פריער. אַלע ימים־נוראים פלעגן זיך אַלע ישובניקעס מיט די גאַנצע פאַמיליעס צונויפקומען אין שטעטל. אויף ראש־השנה און יום כפּור, צוויי מאָל דאַוונען דאַמאָלסט אין אַ מנין עפּעס צייטן ערלים אין די הייליקע טעג — איז געווען ניט היימלעך. דאָס שטעטל פלעגט פאַרגרעסערט ווערן אויף אַ פערטל אָדער דריטל. יעדער ישובניק איז אַריינגעפאָרן צו אַ קרוב אָדער סתם אַ גוטן פריינד. ניט קוקנדיק אויף ענגשאַפט, האָט מען צו די אורחים אַרויסגעוויזן אַן אמת גרייטע גאַסטפריינדלעכקייט, די בעסטע ערטער אין שטוב פלעגן אָפּגעגעבן ווערן די געסט. די ישובניקעס פלעגן קומען אין גרויסע פאַרפּעדריקטע וועגענער און ביים אַריינפאָרן באַגריסט ווערן פריינדלעך פון גרויסע און באַגלייט דורך קליינוואַרג, וועלכע האָט מיט נייגעריקייט געקוקט אויף די אורחים און איבערהויפּט מקנא געווען די ישובניקישע קינדער, וועלכע „פאָרן אויף פערד".

בכלל די גאַסטפֿריינדלעכקייט איז געווען זייער גרויס, אַז נאָכן דאַווענען, איבערהויפּט אין שלש רגלים, פֿלעגט מען אַן אורח איינלאַדן „אויף ברכה״, און אַמאָל האָט ער געדאַרפֿט „מאַכן ברכה״ אין 4—5 ערטער, כדי קיינער זאָל ניט פֿאַראיבל האָבן. די ברכה־כיבוד פֿלעגט באַשטיין פֿון קיכל, איינגעמאַכטס, געפּרעגלעכטס, געפּרעגלטע קרעפּלעך, שטרודל, קאָמפּאָט, לעקעך און אַנד. יידישע מאכלים אין באַגלייטונג פֿון בראָנפֿן, פֿאַרשטייט זיך.

איצט זיינען געבליבן נאָר שוואַכע שפּורן פֿון דעם אַמאָליקן ברייטן הכנסת־אורחים. מען ווייסט זיך קיין ניט אָנשטערן צוליב אַ גאַסט און פֿון אַלע זייטן ווייס מען אים ניט ציען. נאָר דאָך איז ביים עלטערן דור נאָך איצט אויך פֿאַראַן פֿיל פֿריינדשאַפֿט צו אַ גאַסט, וואָס אין שטאָט איז שוין פֿון דעם אַפֿילו קיין סימן ניט געבליבן. נאָך איצט אויך האַלטן אַלע פֿאַנכסערוונען פֿאַר אַ חוב צוצוגיין צו אייך, איבערהויפּט, אויב איר זייט נאָך אַ ביסל מיט שטעטל אייסגעצינדן פֿון אַמאָליקע צייטן, און געבן שלום־עליכם. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז נאָך געוויינלעכע פֿראַגן ווי גייט, ווייב און קינדער גייט מען איבער צו „פּאָליטיק״, „וואָס וועט זיין״, „ביז וואַנען וועלן עס זיין די גרענעצן״ (די־אָ פֿראַגע אינטערעסירט אַמערסטן), ווי לעבט זיך דעם יידישן קיבוץ דאָ און דאָרטן וכדומה פֿראַגן.

אויף אייער פֿראַגע וועגן זייער לעבן וועט איר הערן איין תשובה: „וועגן אונז איז שוין ניטאָ וואָס צו פֿרעגן״ אָדער „וועגן אונז איז אָפּגערעדט״, „מיר זיינען כחיים הנקבר״ א. אַז. וו.

און מען מוז זאָגן, אַז אַ היפּשע צאָל פֿאַמיליעס איז טאַקע „כחיים הנקבר״. ביז דער מלחמה איז דער עמיגראַציע־שטראָם געווען זייער גרויס, אַז אויסערדעם, וואָס פֿאַמיליעס פֿלעגן אַרויספֿאָרן („אַוועקגיין״) אין גאַנצן צוזאַמענשטעל קיין אַמעריקע — איז בוכשטעבלעך ניט געבליבן קיין איינאיינציקע פֿאַמיליע, וועלכע זאָל ניט האָבן וועמען עס איז פֿון זיך אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע, אַפֿריקע, קאַנאַדע. און איצט איז דאָס גאַנצע לעבן, דער גאַנצער אינטערעס פֿון קליינשטעטלשן איינוואוינער געווענדעט „אַהין״: מען וואַרט אויף בריוו, אויף געלט.

פֿון 65 פֿאַמיליעס באַקומען געלט־שטיצע, וואָכן 53 פֿאַמיליעס (85 פּראָצ.), דערונטער 7 פֿאַמיליעס (17 פּראָצ.) לעבן אויסשליסלעך פֿון „אַמעריקאַנער געלט״ און נאָר 10 פֿאַמיליעס (15 פּראָצ.) באַקומען ניט קיין שטיצע, צוליב פֿאַרשיידענע טעמים, הגם זיי האָבן אויך קרובים מעבר לים. און, ווען ניט די שטיצע וואָלט זיכער דאָס שטעטל (איבעריקנס ווי אַלע אַנדערע ליטווישע שטעטלעך) ניט געקאָנט עקסיסטירן. אַמעריקאַנער קרובים שיקן אויף בגדים, אויף שיך, אויף אויסערגעוויינלעכע הוצאות און על־כולם — אויף נדן. אמת, איצט איז עס באַדייטנד קלענער, ווי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אָבער נאָך איצט בילדעט די אינטערסטיצונג אַ היפּשן טייל פֿון ביודזשעט. אויף דורכצולעבן אין שטעטל באַלעבאַטיש פֿאָדערט זיך פֿאַר אַ פֿאַמיליע פֿון 5—6 פּערזאָן 25 דאָלאַר אַ חודש, און „אָרימערן אופֿן״ 10 דאָלאַר (און 6—7 איז אויך אַ סטבע.

דאָס איז מעגלעך ביי דער ביליגקייט פֿון פּראָדוקטן. אין יולי 1925 יאָר האָב איך פֿאַרצייכנט פֿאָלגנדע פּרייזן אין אַמעריקאַנער סענטן: אַ קילאָ ברויט 2,5 ס., פּוטער אַ קילאָ 20 ס., חלה אַ קילאָ 8 ס., פֿלייש אַ קילאָ 9—10 ס., פֿיש אַ קילאָ 10 ס., צוקער אַ קילאָ 9 ס., מילך אַ קוואָרט 3,5 ס., אַן איי 1,4 ס., קאַרשן אַ מאָס 10 ס.

VII.

איבערגייענדיק צו די געזעלשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן, וועלכע דאָס שטעטל פֿאַרמאָגט, וויל איך קודם־כל פֿאַרצייכענען די יסודים, אָן וועלכע ס'קען זיך ניט באַגיין קיין יידישער ישוב: דעם בית־המדרש, אַ גאַנץ גרויסע הילצערנע געביידע און להבדיל דעם מרחץ מיט דער מקוה.

דער מרחץ ווערט געהייצט איין מאָל אין 3—4 וואָכן (וואַסער וואַשט זיך ניט דער קליינשטעטלדיקער איינוואוינער). די באָד איז אין אַ אַנטי־היגיענישן צושטאַנד, צעפֿוילטע פֿענצטער, פּאָדלאָגע, די ווענט באַוואַקסן מיט שוואָמען, אין מקוה ווערט די וואַסער געביטן זייער זעלטן, הגם די באָד שטייט ביים סאַמע טייך און האָט אַ רער, וואָס גיט אָן אויסגעצייכנטן קוואַל־וואַסער. אָבער קען מען די באָד ניט הייצן, ווייל עס איז ניטאָ קיין האָלץ, ס'ווערט קאַליע דער אייוון. און ביז אין בית־המדרש איז מען ניט מעכב די קריאה (צוליב נשים) נעמט קיין טאָלק ניט.

כאַראַקטעריסטיש איז וואָס מיט די באָד באַנוצן זיך קריסטן נאָך אָפֿטער און אין אַ גרעסערער מאָס ווי יידן, אָבער קיינעם פֿאַלט גאָר ניט איין צו פֿאָדערן פֿון דער גמינע מיטלען אויף אויסצוהאַלטן די באָד. זי בלייבט פֿינאַנציעל אַ ריין־יידישע אינסטיטוציע.

ס'איז נאָך דאָ אַ שטיבל פֿאַר הכנסת־אורחים וואו ס'נעכטיקן אָרימעלייט. דער אינווענטאַר באַשטייט פֿון עטלעכע צעבראָכענע טאַפּטשאַנעס (בענק) מיט אַ פּאָר שמוציקע שטרוי־זעק. דער הכנסת אורחים געפֿינט זיך לעבן בית־המדרש.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען קיין אָרימעלייט כמעט ניט געווען בנמצא. דעם יאָר, צוליב די פֿאַראָרימונג פֿון דער באַפֿעלקערונג אין ליטע, קומען שוין זייער פֿיל פֿון אַנדערע שטעטלעך, אַפֿט גאַנצע פֿאַמיליעס, נאָר ווי אַמאָל. מיט אַ יאָר 30 צוריק איז געווען אַ באַוואוסטער ראש־המשפּחה פֿון אַ דור אָרימעלייט „בעזרוסקעס״ (אָן אַ האַנט). זיין נאָמען האָט קיינער ניט געוואוסט. ער פֿלעגט תּורה־מאַכן זיינע פֿיל קינדער אייך פֿאַר אָרימעלייט און ווייטער „נעמען זיי אויף קעסט״. ער האָט געהאַט אַ פֿערד און די איידעמס און שניר מיט די „נאַטירלעכע צוגאָבן״ פֿלעגט ער אַרומפֿירן איבער די שטעטלעך אויף קעסט ביי אַלע באַלעבאַטים. ווען די פֿאַמיליע „בעזרוסקע״ איז אָבער אויסגעוואַקסן, געוואָרן מרובה באוכלסן, האָט דער אַלטער בעזרוסקע צעשיקט ליטע אין ראַיאָנען און אָנגעגעבן יעדן ראַיאָן מיט אַלע שטעטלעך און ישובניקעס פֿאַר יעדן איידעם און זון באַזונדער. איצט זיינען די שפּורן פֿון בעזרוסקעס משפּחה פֿאַרשוואונדן, אָבער ס'קומען צו פֿרישע אָרימעלייט, וועלכע גייען איבער אַלע שטעטלעך הייזער. און ס'איז דאָ אַ נאָרמע, וויפֿיל צו געבן אַן אָרימאַן, אַ מגיד, אַ לערנער א. אַז. וו. די נתינה איז ניט גרעסער יעדנמאָל פֿון 10—15 ליטווישע סענט. מען דאַרף אָבער פֿאַרצייכענען, אַז אין שטעטל קומען פֿאָר אָפֿטע זאַמלונגען פֿאַר פֿאַראָרימטע 2—3 פֿאַמיליעס, אָדער אַלמנות. אויסער, פֿאַרשטייט זיך קרנס, שקלים און ענלעכע ציוניסטישע זאַמלונגען. דעריבער מוז מען זאָגן, אַז אויף צדקה־זאַכן גייט אַוועק ביים קליינשטעטלשן איינוואוינער פּראָצענטועל מער ווי ביי שטאָט־מענטשן.

די מעדיצין אין שטעטל איז פֿאַרגעשטעלט אין דער פּערזאָן פֿון אַ פֿעלדשער, וועלכן מען רופֿט „פּראָפֿעסאָר״. ס'איז אַפֿילו דאָ אויך אַן „אַבהער דאָקטער״, אַ גוטבאַזיצער לעבן שטעטל. אָבער יידן און קריסטן ווענדן זיך אָפֿטער צום „פּראָפֿעסאָר״, וועלכער גיט אַן עצה מיט רפֿואות, וואָס ער מאַכט אַליין, הגם אין שטעטל איז פֿאַראַן אַן אַפּטייק (שוין אַ יאָר 20). דער פֿעלדשער איז אַמאָל געווען אין דער יוגנט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל (מעגלעך, אַז ער האָט באַקומען אַ געוויסע ספּעציעלע אויסבילדונג), געווען באַקאַנט אַ ביסל מיט דער רוסישער ליטעראַטור און געהאַט געוויסע האַלב־אינטעליגענטישע באַגריפֿענישן. מיט דער צייט האָט ער זיך איינגעוואוינט אין דער שטעטלשער אַטמאָספֿער און האָט זיך געמישט אין אַלע קהלשע ענינים. אין שטעטל האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ אינטריגאַן און פֿאַר אַ כיצנכן, וואָס רופֿט אַרויס קריג און מען האָט אים דערפֿאַר גערופֿן „דער פּיסקאַל״. דאָס שטעטל האָט אים אויך באַשולדיקט אין „באַרייטן״ — אין בייציקייט.

איצט איז ער שוין אַ זקן, און קראַנקע פּויערים נעמט צו די ווייב. ער לייענט נאָר אַ העברעאישע בלאַט און איז אַ ציוניסט.

דער פֿעלדשער איז אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש. אין אַנטוויקלונג איז ער געשטאַנען העכער פֿון דער גאַנצער אַרומיקער סביבה. אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געפּרוווט דערהייבן איר צו זיך, נאָר, פֿאַרקערט, איז תּמיד געווען אין איר איינגעטונקט און פֿלעגט שטענדיק אַרויסרופֿן מחלוקות צוליב נישטיקע ענינים. אפֿשר איז עס געווען אַן איינגאַרטיקע נקמה פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט געפֿילט, אַז ער מוז שוין אַזוי פֿאַרבלייבן אין דער דאָזיקער סביבה אויפֿן גאַנצן לעבן.

אויסער מעדיצינישע הילף — גלויבט נאָך דער עלטערער דור אין פֿאַרריידן, אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע אין ספּעציעלע פֿאַלן [ביים אייבייסן פֿון אַ משוגענעם הונט, ביי אַ רויז, ביי אַ מכּה (דורכציען אַ פֿאַרריידטן שנירל) א. אַז. וו.]. ביי עפּילעפּסיע און משוגעת דאַרף פֿאַרריידן אַ טאַטער (אין אַ נאָענטע שטעטל איז דאָ אַ טאַטערשע קאָלאָניע, וועלכע ליפֿערט „פֿאַררייער״).

מאַכט זיך, אַז מען דאַרף וועמען עס איז שיקן זיך היילן, „ווערט אין שטעטל געלט״ און מען שיקט נאָך אַ דאָקטאָר, אָדער מען שיקט אין שטאָט זיך היילן. בכלל רופֿט זיך דאָס שטעטל אָן אויף נייט. אַ מענטשן אויסגיין לאָזט מען ניט. פֿאַרט כל ישראל חברים.

חבֿרא קדישא באַשטייט פֿון 13 מענטשן. זיי דאַרפֿן עס זאָרגן פֿאַרן בית־עולם א. אַז. וו. אָבער דאָ קומען אויך פֿאָר עבט „יידישלעכע״ זאַכן. צוליב קבֿורה־געלט איז רעכט אָפּצוהאַלטן אַ מת אַ טאָג—צוויי. די חבֿרה איז אַ געשלאָסענע און ווי אויף וואָס די געלט גייט אַוועק איז אומבאַוואוסט. יעדער פּרוּוו פֿון קאַמף מיט דער חבֿרה האָט נאָך ביז איצט ניט געגעבן קיין רעזולטאַטן.

VIII.

קיין נאָרמאַלע שול איז אין שטעטל קיינמאָל, אויסער „יעקאָפּאַ־צייט״, ניט געווען.

אין 1919 יאָר, ווען דאָס שטעטל איז געווען אונטער דער פּוילישער הערשאַפֿט און ווען „יעקאָפּאַ״ האָט פֿאַרשפּרייט איר הילפֿס־טעטיקייט אויף אַלע יידישע שטעטלעך פֿון ווילנער פּראָווינץ, איז אין וו.־ד. געגרינדעט געוואָרן אַ שול.

אין שטעטל האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטעט אָדער אַ מין ועד־הקהילה, וועלכער פֿלעגט אויך פֿאַרטיילן די „יעקאָפּאַ״־שטיצע. די חשבונות און בכלל די געשעפֿטספֿירונג פֿון ועד איז געווען אַ גאַנץ פּרימיטיווע, הגם עס איז געווען אַ סעקרעטאַר, אַ האַלבער אינטעליגענט. די יוגנט איז געווען פֿאַרטראָטן אין ועד און דאָרטן פֿלעגן פֿאָרקומען רייסערייען און מחלוקות מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

ביידע צדדים פֿלעגן קומען אַפּעלירן אין ווילנע צו „יעקאָפּאַ", אָדער נעמען מער אָדער ווייניקער אײַנפֿלוסרײַכע לאַנדסלײַט, אַז זיי זאָלן „אײַנווירקן" דאָס אָדער יענץ אין „יעקאָפּאַ".

אַרום דער שול האָבן זיך צעפֿלאַקערט די געמיטן. דער רב האָט געפֿאָדערט אַ מלמד, די ייִנגע — אַ לערער. נאָך פֿאַרכײַיענע סכסוכים איז מען דורכגעקומען: אי אַ לערער, אי אַ מלמד. „יעקאָפּאַ" האָט באַשטעטיקט אַ לערער (העבּרעאיש) און אַ לערערין אויף אַלגעמיינע למודים (ייִדיש). אָר די שטעטל, וועלכע האָט קיינמאָל קיין ייִדישע שול ניט געהאַט, האָט ניט געקענט זיך צוגעוווינען, אַז מען זאָל מיט די קינדער שפּאַצירן (לעקציעס פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט), אַז מען זינגט און טאַנצט (גימנאַסטיק) און „בכלל מען בטלט צײַט אויף פּוסטע מעשׂיות".

די שול האָט ניט געקענט עקסיסטירן נאָר אויף די מיטלען פֿון „יעקאָפּאַ" און מען האָט געדאַרפֿט אײַנפֿירן אַ שכר־לימוד (אמת אַ קליינעם). אָבער צו דעם האָט מען קיין גרויס חשק ניט געהאַט. בײַ די קינדער איז אָבער די שול געווען טייער, און גערן פֿלעגן זיי די שול באַזוכן. צום סוף יאָר איז אָבער פֿאַר די לערער געוואָרן אוממעגלעך צו עקסיסטירן בײַ דער פֿײַנדלעכער שטימונג פֿון אַ טייל עלטערן און רב. און די שול האָט געהאַלטן בײַם חרובֿ ווערן ס'זײַנען אָנגעקומען די וואַקאַציעס פֿון זומער 1920 יאָר ובאָלשעוויסטישע אינוואַזיע. דאָס שטעטל וו.־ר. איז אַריבער צו די ליטווינער און געוואָרן אָפּגעריסן פֿון ווילנע. די שול האָט אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן.

איצט איז די ערציאונג און לערע בײַ דער קליינוואַרג אין שטעטל אַ געמיש פֿון מיטל־אַלטער מיט מאָדערן. נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק זײַנען געווען 3 דרדקי־מלמדים און 1 גמרא־מלמד. איצט איז נאָר געבליבן איינער, דער [illegible]. אַלע ווייסן, אַז ער „טוט ניט קיין פּעולה", אַז די 5—6־יאָריקע קינדער, וועלכע ווערן אָפּגעגעבן צו אים ביז 10־יאָריקן עלטער לערנען זיך קוים אויס עברי און אַ „שטיקל חומש", און וועלכן זיי פֿאַרשטייען גאָרניט. נאָר „מען דאַרף דאָך געבן אַ קינד אין חדר" איז דער תּירוץ. דער מלמד שלאָגט אַפֿילו די קינדער און יעדערן גיט ער אַ צונעמעניש: יקים בעמבע, חיים טרייטל, הירשע זונדקע, פֿילימאָנ (פֿילאָזאָף) א. ד. גל. דער אַלף־בית איז: קמץ א — אָ, ויאמר — בצואגט, וידבר — גערעדט א. אַז. וו. איצט האָבן אַ גרופּע פֿון 5—7 „באַלעבאַטישערע" (אינטעליגענטערע) פֿאַמיליעס אָנגעהויבן צו דינגען אַ לערער, נאָמירלעך אַ העברעער, וואָס לערנט שעהנווײַז אַלע למודים: תּנ"ך, העבּרעאיש, חשבון, ידיעות הטבע א. אַז. וו. און אַפֿילו ליטוויש אויך.

מיט איינעם אַ לערער, אַ געוועזענעם קלויזניק, איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפֿן. זײַן מעטאָד איז געווען וואַרפֿן אַ שרעק אויף די קינדער. 6—7־יאָריקע עופֿעלעך פֿלעגן פֿאַרברענגען אין חדר פֿון 9 אַזייגער ביז זון־אונטערגאַנג (ווינטער). נאָר אויף אַ שעה פֿלעגט ער זיי אָפּלאָזן אַהיים. זיי פֿלעגן דאַרפֿן זיצן אַפֿילו אין צימער ווען אַנדערע כּתּות האָבן געלערנט און ניט טאָרן צווישן זיך ריידן. פֿאַר דעם חטא האָט ער באַשטראָפֿט די קינדער מיט „אַרײַנלייגן זיי אין חרם", וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז קיינער פֿון די חבֿרים און חבֿרטעס האָט ניט געטאָרט אויסריידן מיט די באַשטראָפֿטע אַ וואָרט, אַ מין באָיקאָט. אויף די באַשטראָפֿטע קינדער פֿלעגט עס שרעקלעך ווירקן, זיי פֿלעגן ניט עסן, ניט שלאָפֿן, וויינען. איין 7־יאָריקע חנהלע איז קראַנק געוואָרן.

דער מצב האָט געדויערט ביז איין מוטער, וועמענס קינד איז געווען צושלאָגן פֿון לערער, האָט געמאַכט דעם לערער אַ סקאַנדאַל: „אויב שלאָגן — טאָ שלאָגט אייערע אייגענע קאָפּ אָן ווענט" האָט זי געשריען. און דאָך... איז דער, לויט מײַן אויפֿפּאַסונג קראַנקער מענטש, געווען אין שטעטל אַ לערער 2 זמנים. „די קינדער האָבן אָבער געטאָן אַ פּעולה אין תּנ"ך און העבּרעאיש" — האָבן מיר עטלעכע טאַטעס געזאָגט. פֿאַר העבּרעאיש וועט דער היינטוועלטיקער קליינשטעטלשער באַלעבאָס ברענגען אַפֿילו אַ קרבן זײַן אייגן קינד.

אין שטעטל איז דאָ אַ ליטווישע פּראָגימנאַזיע, אין וועלכער ס'לערנען זיך 8 (12 פּראָצ.) ייִדישע מיידלעך. ייִנגלעך שיקט מען ניט. „וואָס מאַכט מען מיט אַ מיידל", זאָגט דער קליינשטעטלשער ייִד. די פֿאַרמעגלעכערע שיקן די ייִנגלעך אין העבּרעאישע גימנאַזיעס אין גרעסערע שטעט — 6 (10 פּראָצ.), 1 לערנט זיך אין אַ ריפישע גימנאַזיע אין קאָוונע. פֿון די געענדיקטע גימנאַזיסטן לערנען זיך 2 אין קאָוונער אוניווערזיטעט. אין סלאָבאָדקער ישיבֿה לערנט 1. אין שטעטל גופֿא לערנען 5 ייִנגלעך גמרא.

די האַרבסטע שאלה איז אָבער, וואָס טוט מען מיט קינדער? אין דעם פּרט איז נאָך די פּסיכאָלאָגיע פֿון קליינשטעטל ניט איבּערגעבראָכן.

אין ארץ־ישׂראל איז מען גרייט צו טאָן כּל עבֿודת פּרך, אָבער דאָ אין גלות — ווילן זיך זייער ווייניק יונגען פֿאַרנעמען זיך מיט פֿיזישע אַרבעט. אמת, די חלוצישע באַוועגונג האָט דאָ אויך דורכגעבראָכן אַ וואַנט, אָבער אַ סך פֿאָראורטיילן זײַנען נאָך געבליבן. צו מלאכה איילט מען זיך ניט

XI.

אויפֿן באָדן פֿון קרובֿהשאַפֿט און ירושה, דער עיקר צווישן שוועגערס און אָפֿט אַפֿילו צווישן ברידער און שוועסטער קומען פֿאָר גרויסע סכסוכים, און מען איז איינע די אַנדערע „דם שונאים".

אַזוי קען נאָך איין איידעם נ., אין 10 יאָר אַרום נאָך דער חתונה, ביז היינט ניט פֿאַרגעסן, אַז, לויט זײַנע איבּערעכענונגען, האָט אים דער שווער און שוויגער (וועלכע זײַנען שוין אַ יאָר 10 טויט) ניט דערגעבן קיין נדן (אין שטעטל שמועסט מען, אַז נ. האָט אַ גוטן זכּרון און ער „געדענקט זיך אים אַלץ נאָך"). די גאַנצע תּביעות האָט ער צום שוואָגער (דער ווײַבס אַ ברודער), הלמאַי האָט ער געירשנט די הויז, וואָס דער שווער האָט איבּערגעלאָזט. היות, ווי ער איז באַקוועם געוואָרן, אמת מיט 30 יאָר צוריק — ווילט ער איצט באַקומען אַ טייל פֿון הויז. דערבײַ טרעפֿט, אַז די טאַטע־מאַמעס פֿון ביידע צדדים ריידן ניט צווישן זיך, נאָר די קינדער (שוועסטער־קינדער) זײַנען איינע מיט די אַנדערע די בעסטע פֿרײַנד און זײַנען קעגנזײַטיקע אײַנגייער אין די „בעקרינגע הײַזער".

ס'טרעפֿט אויך, אַז גלייך נאָך דער קבֿורה פֿון אַן אַלטן טאַטן, וואָס האָט געלאָזט אַן אַלטע כאַלופּע מיט ליידיקע ווענט — הייבט זיך אָן אַ מחלוקת צוליב דער כאַלופּע. ס'פֿליען קללות, חרמות און נאָך ערגערע זאַכן אויך, ביז ס'מישן זיך ניט אַרײַן ווײַטיקע מענטשן אָדער דער רבֿ, וועלכע מאַכן אַ וועלכע עס איז פּשרה. דער שלום אָבער דויערט ניט לאַנג און די שׂנאה בלײַבט.

עס איז דאָ אַ בלינדע אלמנה („אַ סמידיכע") אַ יאָר 80, וועלכע עס שיקן קינדער פֿון אַמעריקע. פֿון מאַן איז איר געבליבן אַ קוזניע מיט אַ הויז אויף „צוויי לקן". אין „עק" האָט זי פֿאַרדינגען אַ שכן, און אין צווישן (דורך אַ פֿירהויז) האָט זי געוווינט מיט 2 אייניקלעך, אַ מיידל און אַ ייִנגל, קינדער פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם זון. ביידן האָט זי איינגעהאַלטן פֿון דער פּענסיע, וואָס זי פֿלעגט באַקומען פֿריער אין 1921—23, ווען דער דאָלאַר איז געווען אין ליטע אַ „גרויסער יחסן" און בײַ די אַמעריקאַנער זײַנען עפּעס געווען בעסערע צײַטן — האָבן איר מקנא געווען אַפֿילו שטעטלשע באַלעבאַטים: קוילעט אַפֿילו אַ הון אויף שבת און אינדערוואָכן עסט זי אַ „שטיקל פֿלייש". טרינקט זי ניט מיט סאַכאַרין, נאָר מיט אמתן צוקער. הכלל „הלוואַי אויף אַלע אָרימעלײַט געזאָגט געוואָרן". אָבער די שטיצע האָט אָנגעהויבן צו ווערן מאַגערער און די דאָלאַרן זעלטענער. איר אייניקל, די מיידל, האָט די אַלטע חתונה געמאַכט, „אָפּשרײַבנדיק" פֿאַרן איידים די הויז און אָפּגעבנדיק אירע אָפּשפּאָרונגען אין נדן. איר שכן האָט זי אַנטזאָגט פֿון דער דירה מיטן אויסרייד, אַז זי דאַרף איר אָפּגעבן דער יונגער פּאָר.

ס'איז אַריבער אַ יאָר און די גליקלעכע באָבע, וועלכע האָט אָפּגעגעבן איר אייניקל די דירה און וועלכע זי האָט אַרײַנגעלאָזט איר מוטער (די געוועזענע שכן פֿון דער בלינדער) און איצט אַן אלמנה נאָכן צווייטן מאַן, איז געבליבן אָן אייגענעם ווינקל.

דער אייניקלס מאַן האָט בײַ דער צושטימונג פֿון די איבּעריקע הויזלײַט אָנגעהויבן צו טרײַבן די אַלטע פֿון שטוב פֿון איר „עק": „אין מײַן שטוב וועט איר ניט זײַן". די אַלטע לויפֿט צו מענטשן זיך באַקלאָגן, ווי איז אַן איינזיכט, מען טעראָריזירט איר אין איר אייגענער שטוב (וועלכע איז שוין פֿאָרמעל ניט אירע), הגם זי לעבט נאָר אויף די מיטלען פֿון אירע אַמעריקאַנער קינדער און העלפֿט נאָך די אייניקלעך מיט געלטמיטלען. זיי ווילן ניט האָבן די „אוירה" (אַן אַלטע — איז דאָך שוין במילא אַן ארורה...).

אָפֿט אינדערפֿרי ווערט אין שטעטל אַ גלאַף: דער איידים טרײַבט די זקנה פֿון שטוב. מענטשן הייבן אָן צו „שטראָפֿן" (מוסרן) דעם צעהיצטן יונגמאַן. אָבער נאָך עטלעכע טעג, און די בלינדע באַגיסט זיך מיט טרערן און יאָמערט אויף איר באמת פֿינצטערן מזל.

ס'זײַנען דאָ אָבער בײַשפּילן פֿאַרקערטע. עס איז אַ מוטער, אַן אַלטע, און אַלע דערוואַקסענע קינדער מיט גרויסע פֿאַמיליעס ווילן, אַז די מאַמע זאָל זײַן בײַ זיי. און צו דער „מאַמען" ציען זיך אַלע 19 אייניקלעך, פֿרעגנדיק איר: „מאַמע, וואָס דאַרפֿסטו?" אָבער די מאַמע האָט פֿאַר יעדערן אַ גוט־וואָרט און אַמאָל עפּעס וואָס צו געבן אויך. אַלע לעבן דאָ בשלום.

די ליבע צו קינדער אין שטעטל איז נאָך אויסערגעוויינלעך שטאַרק און אין אַ געוויסער מאָס פּאַטריאַרכאַליש. ווען אַ טאַטע גיט אויס קינדער — ווילט ער זיי נאָך אַלץ „טוליען" אַרום זיך. העלפֿן זיי, שיקן זיי ספּעציעלע „פּעקלעך", „פּאָסילקעס", אויב זיי זײַנען אין אַן אַנדער שטאָט.

X.

די באַציאונגען צווישן ייִדן מיט די קריסטן וועלט בכלל געווען זייער אַ פֿרײַנדלעכע. אַ גוי ווייס, אַז ייִדן דאַרפֿן האַנדלען, אַז ייִדן דאַרפֿן נייען אַ בגד, אײַנשמירן אַ וואָגן, אַ סאָכע, מאַכן פֿאַרקעטע, נייען היטלען א. אַז. וו. אמת, מען כאַפּט אונטערמורמלען, אַז ייִדן זײַנען אַזעלכע און אַזעלכע, אַז ווײַבער, מיידלעך, זיצן זומער אויף די גאַניקעס און ייִדן דרייען זיך אַרום עפּעס

כ׳ווייס וואָס, ווען אייסן טעלר ברענט די אַרבעט, אַז יידן זיינען דאָך יענע באַקאַנטע סגולות. אָבער, אַז מען האָט אַ סכסוך מיט אַ יידן — גייט דער גוי זיך קלאָגן צום רב. ביי אַ געלט-אָפּמאַך מיט אַ יידן — ווייטער צום רב.

אָבער דאָ פּיסט זיך אַריין די קריסטלעכע אינטעליגענץ פון שטעטל, וועלכע איז פּאָזיטיוויסטיש און קלייןבירגערלעך ביז גאָר. זיי טענהן: לאָמיר אויך האַנדלען, האָבן קרעדיטן, לאָמיר גרינדן קאָאָפּעראַטיוון, וועלן מיר דערשטיקן דעם יידישן האַנדל.

און אַ קאָאָפּעראַטיוו בילדעט זיך טאַקע. נאָר אין דער יידישער קראָם קאָן מען זיך דינגען און אויסקלייבן אָן צערעמאָניעס. לאָזט זיך דעריבער ניט אַזוי פילן די קאָנקורענץ פון קאָאָפּעראַטיוו. ערגער איז, ווען עס קומט אַ גלח, אַ שונא-ישראל און נוצט אויס זיין השפעה פון קלויסטער-בימה צו רייצן דעם המון קעגן יידן. קעגן גלח איז נישטאָ קיין מיטל. אָבער אין מעשים דריקט זיך עס ניט אויס.

און דער המון פון איין זונטאָג ביזן צווייטן פאַרגעסט די העצע.

מיט דער נידעריקער און מיטלער אַדמיניסטראַציע קומען יידן דורך מיט אַ מתנה, מיט אַ פלאַש בראָנפן, מיט אַ מתן בסתר.

און שלעכט איז טאַקע, ווען עס טרעפט זיך אַ ווייסע קראָ, אַ נקי כפים. „שפּייען יידן מיט בלוט", ווי עס איז דער פאַל אין אַ שכנישן שטעטל. דאָרטן איז ממש ניט צו שטיין און ניט צו גיין אָן פּראָטאָקאָלן. דאָס טאָר מען ניט, און דאָס דאַרף מען ניט. דאָס איז ניט געמעלדעט, דאָס איז ניט פאַרשריבן, דאָ איז ניט ריין און דאָ איז ניט אויסגעהאַנגען געווען קיין פאָן אין אַ מלוכה-יום-טוב, און דער האָט זונטאָג פאַרקויפט שפּעטער, ווי ס׳איז דערלויבט. הקיצור, ס׳איז דאָ שטאָף אויף אַ צענדליק פּראָטאָקאָלן אַ טאָג. ווערט מען טאַקע דערפון „אויסגעריסן". אַ גליק נאָר, וואָס מען בייט זיי אָפט די קליינע סאַטראַפּן, קאָן מען אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

מאַכט זיך אָבער אַריין צווישן די מלוכה-אָנגעשטעלטע אַ „אינטעליגענט" — איז ביטער.

אין שטעטל איז געווען אַ דירעקטאָר פון פּראָגימנאַזיע און אַ לערער-סעמינאַר אַ געוועזענער גלח. ער איז צום אַנטיסעמיטיזם צוגעגאַנגען „אידעאיש", פון שטאַנדפּונקט פון „פאַטערלאַנד", וועלכע מען דאַרף דאָך פון די יידן ראַטעווען.

ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַ יידן, וואָס האָט 45 יאָר געוואוינט אויף ערד, די ערד האָט געהערט צו אַ רוסישער צערקווע. מען זאָגט, אַז נאָך אַמאָל צו אַ קאַטוילישן קלויסטער. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער ייד האָט געהאַט אַ קאָנטראַקט פון דער רעגירונג אויף די ערד און האָט איר אַליין באַאַרבעט — האָט זיך דעם דירעקטאָר איינגעגעבן אויסצומועלן אין מיניסטעריום, אַז די ערד זאָל אָפּגעגעבן ווערן אַ קאַטוילישן פּריעסטער-פאַרבאַנד. דער ייד ווערט אַרויסגעזעצט און באַקומט אַ [illegible] פון די ערד אָן אַלע בנינים, וועלכע ער האָט פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט אַליין אויסגעבויט.

דער דירעקטאָר קויפט ביי יידן סחורות, און, ווען עס קומט צום צאָלן די חובות, יאָגט ער זיך נאָך די יידן, וואָס קומען מאָנען דעם חוב, מיט אַ שטעקן, אָדער רייצט אויף זיי אַ הונט.

אַ יידישער קירזשנער מאַכט היטלען פאַר די סעמינאַריסטן. ווען ער בעט אַ ביסל געלט פאַר דער אַרבעט — שטעלט דער דירעקטאָר אָן סעמינאַריסטן און דער ייד ווערט געשלאָגן. ער פאַרטרעט אַפילו דעם גלח אין יענעמס אָפּוועזנהייט אין העצט פון דער בימה אויף יידן. אין פּריוואַטן לעבן איז ער ניט קיין פרוש (הגם אַ נחיר), האָט ליב אַ לעבן צו טאָן. איז ניט קיין גרויסער שונא פון פרויען. לערער, וועלכע ער איז חושד אין ליבעראַליזם, פאַרפאָלגט ער. אָבער זיינע „הויכע" מעשים דערגייען פאַרט צום ליטווישן סיים (דאַנק אַ פּאָר ערנסטערע לערער) און ער ווערט ענדלעך צוגענומען פון שטעטל, וואו ער האָט שוין איבערגעלאָזן עקאָנאָמישע חורבנות (בסולקע צים ניט קיין ביי יידן און אַ. וו.). ער האָט אָבער באַקומען אַן אַנדער פּאָסטן און מען האָט געשמועסט, אַז דער דזשענטלמענישער לערער-גלח איז אַ קאַנדידאַט אויף אַ מיניסטער-פּאָסטן. המיצר לישראל נעשה ראש — אַזוי איז דאָס שטעטל איבערצייגט.

און דאָך זיינען די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן ניט קיין שלעכטע. קיין מאָל ביז איצט האָט מען ניט מורא געהאַט פאַר אַ פּאָגראָם, אָדער פאַר עקסצעסן, סיידן די „קריסטלעכע דעמאָקראַטן" וועלן זיך באַמיען „איבערצובילדן" אין דעם פּרט דאָס פאָלק.

אין גמינע זיצן 2 יידישע ראַטמענער (ביידע קרעמער). אין שווערע פאַלן ווענדעט מען זיך צו זיי נאָך אַן עצה: „אַ ייד וועט שוין די עצה געבן". אין גמינע איז אַפילו געווען אַ יידישער שרייבער, אַ געוויסער יונגערמאַן, זייער אַ פּראַקטיקער. ביי די דייטשן איז ער געווען דער גאַנצער פירער פון באַצירק (ביים אַמטס-פאָרשטייער), זיך אויסגעלערנט דייטש. ביי די פּאָלאַקן איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון קרייז-שעף און פלעגט קומען אין שטעטל אויף אַ קאָוויאַנע פאָר פערד. ווען ס׳זיינען געקומען די ליטווינער האָט זיך דער יונגערמאַן אויסגעלערנט ליטוויש און באַהערשט די שפּראַך, אַז קיין ליטווינער האָט אים ניט געקענט נאָכהאַלטן. האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר אַ גמינע-שרייבער, ד. ה. אויך פאַקטיש באַלעבאָס פון באַצירק. שפּעטער איז ער געוואָרן לערער פון דייטש אין אַ ליטווישער פּראָגימנאַזיע, ביז ער האָט זיך אַליין ניט אָפּגעזאָגט פון די אַלע אַמטן און איז אַוועקגעפאָרן אין ק. אָפּגעבן עקזאַמען און אָנגעקומען אין ליטווישן אוניווערזיטעט.

XI.

בכלל אַלץ וואָס גייט אַרויס פון געוויינלעכן ראַנזשיר (גיוויא) פון שטעטלשן לעבנסשטייגער רופט שוין אַרויס די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. אין דעם פּרט וואָלט מען געדאַרפט דאָס אָנרופן „די מאַכט פון שטעטל" (פאַרגלייכן מיט גל. אוספּענסקיס „Власть земли"). ס׳איז גענוג, ווען אַ ייד וועט זיך ערלויבן עסן מיטאָג אין אַלע טאָג אין אַ באַשטימטער שעה — איז ער שוין אַ „גראַף", אָדער אַ „פּריץ". און ווען אין שטוב איז ריין, און וועש בייט מען אַלע וואָך, און די פאַמיליע האָט אַ געוויסע אַכטונג צו זיך — טראָגט שוין די משפּחה דעם נאָמען „Царская фамилія". ווען איינער איז געקומען פון שטאָט און געקויפט זיך אַ פעלערינע — איז ער שוין געקרוינט מיטן נאָמען „חאַוועלאָק". מען מוז אָבער מודה זיין, אַז אָפט האָט דאָס שטעטל אַ שאַרפע אויג אין באַמערקט און שאַצט אָפּ מיט איין ווערטל דעם גאַנצן מהות פון אַ מענטשן.

איך וועל ברענגען אייניקע ביישפּילן:

„לייבע די קאָפּ" אַ בלינדער ייד מיט אַ גרויסן קאָפּ (בוכשטעבלעך). זיצנדיק ביי זיך אינדערהיים פלעגט ער שטענדיק קאָמבינירן און טראַכטן און ריידן וועגן אַלעמען. „שלום יאַק" הייסט אַ קליין יידעלע, וואָס האָט אָנגעטאָן אַ וואַטאָווע קורטקע. ער איז שוין אין די 70-קער און קינד און קייט רופט אים „שלום יאַטשעק". ער באַליידיקט זיך שוין אַפילו ניט. אַ גאַנצע ריי משפּחות ברידער צייכענען זיך אויס מיט לאַנגע נעזער (דאַכט זיך ניט קיין זעלטנהייט ביי יידן). אין קהלשע ענינים שטייען זיי איינע פאַר די אַנדערע שטאָל און אייזן. „אָ, די נעזער". ווייסן שוין אַלע וועגן וועמען עס האַנדלט זיך.

„קייסער" איז געווען אַ ייד אַן אָרימאַן אַ קאַראַבעלניק מיט קרומע אויגן. ער האָט געהאַט אַ ביכטרען (שטרענגען) קוק. פאַרשטייט זיך, לויט דעם שטעטלשן באַגריף קוקט אַזוי נאָר אַ קייסער. דעם זון האָט מען גערופן „נאַפּאָליאָניק", די ווייב „קייסערינע" און די טאָכטער „קייסערינקע". אַפילו גוים האָבן אים גערופן „צעסאַרזש". קיין גרעבערע איראָניע ווי דער צונאָמען איז ניט געווען.—

אין שטעטל האָט אַ ייד אויפגעבויט אַ הויז מיט אַ גלעזערנע שאַלקע (באַלקאָן, אַנטרעסאָל) און אַריינגעלאָזן אַהין אַ שוסטער, אַגב אַ גרויסן וויצלינג און אַ ליגנער. זיין ברית-נאָמען איז מיט דער צייט פאַרשוואונדן, ווייל ער איז פאַרבליבן מיטן צונאָמען „באַלקאָן". ווען עמיצער האָט אים געוואָלט שטראָפן פאַר ניט צו דער צייט צוגעשטעלטע אַרבעט האָט מען אים געשאָלטן: אַ „קלאָג צו באַלקאָנקען". אַ שניידער-פּאָר, וואָס האָט צוזאַמען געוואויגן ניט מער ווי 4 אַ האַלבע פוד און אויסגעבראַכט אויף דער וועלט ראַכיטישע קאַרליק-יינגלעך האָט מען גערופן „די גוואַרדיע" און די קינדער „קאַזאַקן". באַזונדערס, נאָך מען צונעמענישן איידימס. ס׳איז גענוג, ווען די מחותנים זאָלן זיך אַרויסכאַפּן מיט אַן אומפאָרזיכטיקן וואָרט וועגן איידים, ווי דער וואָרט ווערט שוין צוגעהעפט צום באַלעבעסל. איינער זאָגט, אַז ער האָט פיין ערלעך געטראָפן אַ חתן „אַ צאַצקע". „די צאַצקע" הייסט שוין דער איידים אויף שטענדיק. „דער גיליגענט" (אינטעליגענט). „דער פראַנצעזאַר" (אַ „קענער"). אַגב דערפאַר, וואָס ער טראָגט בריל. איין איידים האָט אין די צייט פון אָסט-מאַרקן גענומען 15.000 מאַרק נדן — איז פאַרבליבן מיטן נאָמען „דער יקרות" (אַגב טאַקע ניט ווערט) און אַ קעגנפאַל — „די מציאה". אַ שטילינקער איידים, וואָס איז ניט דערבאַקן הייסט „דער אייוועלע" (אַגב אַ קליינינקער). דער אַנדערער האַלט אַ ביכל אָפן די מייל — איז ער „וואָראָנע".

אין שטעטל ווייס מען וואָס ביי עמיצן טוט זיך אין חדרי-חדרים. אַ שטייגער, איינער האָט אָפּגעוויגן די בריסט נאָך אַ קימפּעט ביי זיין ווייב — לויט דער עצה פון פעלדשער — איז ער שוין געבליבן מיטן נאָמען „כּיסון" (וויגער). ביי איינעם, מעשה שטן, איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד אין 3 חדשים אַרום נאָך דער חתונה — פאַרשטייט זיך, איז ער שוין „דער בריה" (אַגב טאַקע זייער אַ רירעוודיקער און האָרעפּאַשניק, פאַר וועלכן קיין זאַך איז ניט צו שווער).

אַן איידים אַ לערנער מיט אַ האַלב-לאַנגע („האַלב יאַקיש האַלב פּיוואָריש") קאַפּאָטע רופט מען „פּולראַבינעק". דער גאַנצער הילוך און האַלטונג איז באמת אַ פּולראַבינישע.

דעם ערשטן שניידער, וואָס האָט אויפגעהערט מעסטן מיט אַ שנירל און באַנוצט אַ סאַנטימעטער-מאָס, האָט מען אַ נאָמען געגעבן „דער צענטימעטער", פאַרקירצט „צענטער". ווייטער גייען צונעמענישן ווי: „קאַנאַריק" (אַ שניידער זינגט לידלעך ביי דער אַרבעט), „יאַראָבאַטשיק" (אַ קליינער קוטשערל מיט אַ דינע שטימע), „פּאַרסיוק" (נאָכגעמאַכט ווי עס קוויטשעט אַ חזיר), „ביצע באַלנע" (אַ צבֿי-פּה), „שיוועלבעלע", „פּוקס" („די

ביקסעלעך*) א. אז. וו. פון דעם צונאמען ווערט מען שוין אויפן גאנצן לעבן ניט באפרייט.

עס האט אבער ניט געטראפן, אז מען זאל געבן א צונאמען א מענטשן, וועלכן אלע אכטן, אמת, אזעלכע זיינען דא אין שטעטל זייער ווייניק.

די טענדענץ פון אפכאפן איז אין שטעטל זייער גרויס, און א נייעם מענטשן נעמט מען אבסערווירן פון אלע זייטן, ביז מען געפינט עפעס אריגינעלעס, וואס מען קען אויסדריקן אין איין ווארט.

ס'מוז אויך באמערקט ווערן, אז די שטעטל פארמאגט נאך א גרויסן קוואל פון פאלקס-הומאר. ס'זיינען דא יידן מיט שארפע קעפ און אמתע וויצלינגער און דערציילער.

ס'זיינען אויך פאראן אין שטעטל יידן חכמים און פילאזאפן, דענקער אויפן יידיש-קליינשטעטלדיקן שטייגער.

אזא איז, למשל, אין שטעטל אברהם-חיים, דער ישיבניק-פילאזאף. אין דער יוגנט איז אברהם-חיים געווען א פריילעכער יונג, האט געזונגען, געשפילט פידל, געטאנצט אזעלכע קאזאטשקעס און האפקעס, אז מען פלעגט זיי רופן אברהם-חיימס קאזאטשקעס. אויף א יידישער שמחה פלעגט ער זיין דער אנפירער פון אלע טענץ, קאדריל-טענץ, וואלס „דינעפיקיא וואלני" און אלע אנדערע. האט געקאנט לערנען. אבער האלט געהאט זיך צו באריימען. אלץ זיינס איז אויסגעצייכנט, „פאניק", זיינע קינדער זיינען וואונדער-קינדער. זיין פערד איז א פקח, עסנט דעם סייער אליין, דער הינט איז פשוט פון „הינטלאנדר", א חכם און גוטער פריינד. געלעבט האט ער ביי א פריץ, און געהאלטן פון אים א טערפענטין-פאבריקל מיט עטלעכע העקטאר ערד. קיין ארענדע האט ער ניט געצאלט. געמאכט פארן פריץ פון מאל צו מאל אוונטן און מיט פידל און „באליקעס" די ארענדע אפגעקומען. און, ווען עס פלעגט קומען צו ארענדע האט דער פריץ דערמאנט. אברהם-חיים האט ניט... האט אים שוין דער פריץ אליין באוואוסט: „זיך זיך, איך טרייב דאך דיך ניט".

אברהם-חיים איז געווען א שטרענגער צו די קינדער: „זיי געהאלטן אין צוויק" און זיי האבן אים טאקע ניט שטארק ליב געהאט דערפאר.

אין דערפל, וואו ער האט געוואוינט, האבן גוים פאר אים געהאט דרך-ארץ. ער האט זיך געהאלטן שטאלץ: „פאן אברהם".

מיט דער צייט זיינען די קינדער זיך צעגאנגען, צעפארן און ער איז געבליבן אליין מיט דער ווייב (א צווייטע). די קינדער פון אמעריקע שיקן אים. ער איז שוין א יאר 75. איז נאך קרעפטיק. „מיך האלט אויף א קאפעלע" (בראנפן). אן עטלעכע גלעזעלעך א טאג קען ער טאקע ניט אויסקומען. און זיצט א גאנצן טאג און לערנט און טראכט וועגן איינפאלן פון דער תורה. גאט נעמט ער אן, אלס וועלט-השגחה. וואס איז אזוינס די השגחה — ווייסן מיר ניט. אפשר איז זי גאר קליין, אבער מיר דארפן איר האבן. און ער גיט בסדר משלים. אט איז איינער פון אט די משלים: אין ווילנע (פאר די יידן פון שטעטל איז ווילנע די אלפא און אמעגא פון דער וועלט) האט ער אמאל געזען ווי א פאר יינגלעך טרייבן א 40—50 אקסן טשאטאנעס (די גרויסע טשערקאסער מינים) און די אקסן גייען, וואוהין דאס בייטשל פון די בחורימלעך טרייבט זיי. ווען ניט אלע, נאר איין אקס וואלט זיך [illegible] איז א דריי געטאן מער ניט מיט די גרויסע הערנער — וואלט דא פון די בחורימלעך געווארן א תל. אבער דער אקס טראכט, אז ביים בחורל ליגט א גרויסע, ברייטע קראפט און ניט ווי א שטעקעלע. אט אזוי איז מיט דער השגחה אויך.

חוץ משלים, האט אברהם-חיים אן א שיעור מעשיות און איינפאלן, פול מיט לעבנס-חכמה און אייגנארטיק דענקען.

ניט קוקנדיק אויף זיין הארטקייט און אפילו קארגקייט, איז ער א ברייטער מכניס-אורח. אלץ פארן גאסט. און מיט א אינטערעס קאנט איר פארברענגען ביי דעם זקן א טאג-צוויי און אויסהערן זיינע אומענדלעכע מעשיות און אויך דערציילונגען פון אמאליקע זיינע עבירות און גבורות.

ס'זיינען אבער שוין אויס אזעלכע יידן. די לעצטע מאהיקאנער פון זיי לעבן נאך. דער אוצר מיט מעשיות, ווערטלעך, איינפאלן, המצאות וועלן מיט זיי פארשוואונדן ווערן.

סומירנדיק, מוז איך זאגן, אז ניט קוקנדיק אויף די אלע שאדנס אין מיין שטעטל — האט זי אין זיך נאך זייער פיל זאפט און געזונט. אבער זי איז פארלאזט.

דאס שטעטל בלייבט נאך א גרויסער קוואל פון אייגנארטיקייט, אריגינעלקייט און פאלקס-שאפונג.

דאס שטעטל אליין איז א גרויסע יידישע פראבלעם, מיט וועלכע מען דארף זיך נאך לאנג פארנעמען.

הירש אבראמאוויטש.

סעפטעמבער, 1925.

ווארניאן

(א שטעטל, וואס איז אפגעקויפט געווארן פון פריץ).

I.

ווארניאן (ווילנער קרייז) איז זייער אלט, אבער ווי לאנג עס געפינט זיך דא א יידישער ישוב — איז שווער פעסטצושטעלן. ס'איז דא ניטא ניט קיין קהלישער פנקס, ניט קיין בית-עלמין מיט אלטע מצבות, וואס העלפן אמאל אויסקלערן די פראגע. אלנפאלס, ווי עס גיבן איבער היגע זקנים, וועמעס זיידעס און עלטער-זיידעס האבן דא געוואוינט, איז שוין מיט א 150 יאר צוריק געווען אין שטעטל א יידישע באפעלקערונג.

דאס גאנצע שטעטל מיט די פלעצער און בנינים האט פון שטענדיק אן געהערט צו די היגע פריצים. דער לעצטער פריץ, וועלכער האט איבערגעבויט דאס שטעטל און האט איר געגעבן איר איצטיקן אויסזען איז געווען איינער פון די אבראמאוויטשעס. כאטש פון דעמאלט אן איז שוין אריבער איבער 100 יאר, זאגן דער פלאן פון מארק און די בנינים, וואס שטייען אויף אים, נאך עד-היום עדות, אויף דעם באזונדערן חוש פאר שיינקייט, הארמאניע פון פארבן און סימעטריע פון ליניעס פון דעם דאזיקן אבראמאוויטש.

אבראמאוויטש און נאכדעם זיינע יורשים, די כניאזעצקיס, זיינען [illegible] געווען שטארק פאראינטערעסירט אפצוהיטן דעם שיינעם אויסערלעכן אויסזען פון שטעטל: איינמאל אין יאר פלעגט אלץ רעמאנטירט און געפארבט ווערן אינגאנצן אויף דער רעכענונג פון הויף. דער גרויסער, גלייכער מארק-פלאץ, דורכגעשניטן אין האלב מיטן, פון איין עק ביזן צווייטן, מיט א ברייטע שאטנדיקער אלעיע, באגרענעצט פון צוויי זייטן מיט צוויי שורות איינגארטיקע מייערלעך, געפארבטע אויף ווייס מיט רויטע דאכלקעס-דעכער, אלע ענלעך איינער אויפן אנדערן, ווי צוויי טראפנס וואסער, אנגעשפארט פון איין זייט אין קלויסטער-פלאץ און פון צווייטן אין הערלעכן טונקל-גרינעם הויף-פארק — האט געמאכט, לויט ווי עס דערציילן די עלטערע היגע איינוואוינער, א פרעכטיקן איינדרוק.

מיטן איבערגיין פון שטעטל אין די הענט פון איצטיקן פריץ האט זיך די לאגע אין דער הינזיכט פארענדערט צום ערגערן. ניט נאר ער אליין האט ניט געוואלט מאכן קיינע רעמאנטן אויף זיין חשבון, נאר ער האט אפילו ניט דערלויבט די איינוואוינער דורכצופירן דעם קלענסטן רעמאנט אויף זייערע אייגענע קאסטן. ער האט מורא געהאט, אז אויב זיינע שכנים וועט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט פריי צו פארריכטן און איבערבויען זייערע וואוינונגען, וועלן זיי מיט דער צייט עס אנהייבן צו האלטן פאר זייערס און אפלייקענען זיין אייגנטום-רעכט אויף די הויזער. צוליב דעם, ווי אויך צוליב די צעשטערונגען, וואס האבן אנגעמאכט די שרפות און די מלחמה-יארן, האט זיך דאס אויסערלעכע אויסזען פון שטעטל זייער אפגעלאזן און מאכט שוין ניט קיין איבעריקס דערפרייענדיקן איינדרוק.

II.

די באפעלקערונג פון שטעטל ציילט איצט קנאפ איבער 300 נפשות און באשטייט 80 פראצ. פון יידן, און די איבעריקע 20 פראצ. מאכן אויס די קריסטלעכע באאמטע (פון גמינע, פאסט, פרידנס-געריכט, פאליציי, כעמיקאוון מעדיצינישן- און וועטערינאר-פונקט). די אזוי גערופענע ציווילע קריסטלעכע באפעלקערונג פון איבער 100 פאמיליעס וואוינט אין דערבייאיקן דארף (נאוואוויעס — „ביידארף"), וועלכער איז אפגעריקט פון שטעטל ניט מער ווי א 100 מעטער, און שטעלט מיט זיך פאר אייגנטלעך א פארלענגערונג פון דער שטעטלשער יידישער גאס.

אינגאנצן ציילט די יידישע באפעלקערונג 56 פאמיליעס מיט 235 נפשות.

לויט די באשעפטיקונגען איז דער באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג פאלגנדער: 4 הענדלער, 15 קרעמער, 24 בעל-מלאכות, 3 ערד-ארבעטער, 5 אנדערע באשעפטיקונגען, 5 אן א באשטימטער באשעפטיקונג.

לויט זייער פאך ווערן די 24 בעל-מלאכות איינגעטיילט אויף פאלגנדן אופן: 3 שוסטער, 6 שניידער און שניידערקעס, 4 בעקער, 4 גלעזער, 3 קצבים, 1 שמיד, 1 קאטלער, 1 זייגערמאכער און 1 סטעפער.

אויפפאלנד איז דער פאקט, וואס דא פעלן אינגאנצן יידישע בוי-ארבעטער (טעסליארעס, סטאליארעס און מולארעס). עס דערקלערט זיך אפשר דערמיט, אז זינט 30 יאר איז אין שטעטל גארניט געבויט און כמעט גארניט רעמאנטירט געווארן, צוליב דעם אייגנארטיקן באציען זיך, ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן פריער, פון איצטיקן פריץ, דעם באלעבאס פון די הייזער, צו זיינע לאקאטארן.

---

*) זאלן מיר מוחל זיין די מעריקער. אלע נאר אלטע אין שטעטל זאגן, אז נאר א גלעזעלע בראנפן האלט אויף זייער געזונט ביז טיפן עלטער.

.III

די עקאָנאָמישע לאַגע פון שטעטל איז פאַר דער מלחמה, ווי עס האָבן מיר איבערגעגעבן די היגע עלטערע איינוואוינער, געווען אַ גאַנץ גוטע. הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד האָבן רייכע יידישע וואַלד־סוחרים געהאַקט די גרויסע פּריצישע וועלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן מיילנווייט אַרום שטעטל. די וואַלד־קאָנטאָרן מיט די פיל אַנגעשטעלטע און אַרבעטער האָבן אַריינגעבראַכט אַ גרויסע אויפלעבונג אין שטעטל. עס האָבן געשמאַק געלייזט די קרעמער, בעקער, קצבים. עס האָבן גוט פאַרדינט די יידן־פורמאַנעס פון איבערפירן דאָס געהילץ צום „ספּלאַוו" (די ווילע איז 7 קילאָמעטער פון שטעטל). אויסערדעם האָט אין הויף געאַרבעט אַ גרויסער בראַנפן־בראָוז, און דעם „פּאָדוואַל" האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ ייד. עס זיינען נאָך געווען אין הויף אַלס אַרענדאַטאָרן צוויי יידן: אַ מילנער און אַ פּאַכטער.

די מלחמה האָט דאָס אַלעמען כמעט צערואינירט. כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרן אָנקומען פון דייטש פאַרלאָזט דאָס שטעטל, און האָט זיך געלאָזן מיט פערד און וואָגן, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס סאַמע נויטיקסטע, ווער אין מינסק און ווער אין ווילנע. אַ טייל זאַכן האָט מען נאָך פריער אַרויסגעשיקט פאָראויס, און דאָס גאַנצע הויז־ווירטשאַפט, די קו, שווערערע סחורה פון די קראָמען, אָנגעגרייטע תבואות און ערד־פּראָדוקטן האָט מען איבערגעלאָזן אינדערהיים אויף הפקר. אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז קיינער האָט זיך ניט דורכגעריסן קיין רוסלאַנד, און אַלע, אויך די, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין ווילנע, האָבן זיך באַלד געמוזט אומקערן צוריק אין שטעטל. דערביי איז פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס גרעסטע טייל פון די פאָראויס אַרויסגעשיקטע זאַכן. אינדערהיים האָט מען געפונען אַ חורבן. עס איז ניט געבליבן קיין סימן פון דעם אַלץ, וואָס מען האָט איבערגעלאָזן. די הייזער זיינען געווען פאַרלייגט מיט פאַרוואונדעטע און קראַנקע רוסן. און גאָר אינגיכן איז אָנגעשטאַנען דאָס אַלעמען גוט באַקאַנטע מלחמה־בילד פון ליידן און צרות, פון הונגער און מחלות, פון צוואַנגס־אַרבעטן און איבעריקע זויערע גזירות פון די אָקופּאַנטן.

דער איצטיקער עקאָנאָמישער מצב פון שטעטל קען ניט באַצייכנט ווערן אַלס אַ צופרידנשטעלנדער. די הויפּט־פּרנסה איז די קרעמעריי. אָבער קיין איין קראָם גיט דאָ ניט אויף חיונה. אין שטעטל, ביי דער גמינע, איז טעטיק אַ געזעלשאַפטלעכער קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער האָט פאַרטיילונגען אין אַלע וויכטיקערע פּונקטן פון דער היגער גמינע, ווי אויך אין די שכנותדיקע גמינעס. דער קאָאָפּעראַטיוו איז זייער גוט אָרגאַניזירט און אַרבעט מיט גרויס ערפאָלג. אין זיין רשות געפינען זיך גרויסע געלט־מיטלען פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק ביי דער גמינע. ער שאַפט סחורות וואַגאָנענווייז, און זיין הויפּט־לאַגער, וועלכער געפינט זיך אין שטעטל, איז שטענדיק פול פאַרלייגט מיט כלערליי מינים סחורות. דער קאָאָפּעראַטיוו איז דעריבער אַ געפערלעכער קאָנקורענט פאַר די היגע קרעמער, וועלכע ברענגען איינמאָל אין צוויי אָדער דריי וואָכן אַ פור סחורה פון ווילנע. איניקע סחורות, די טייערערע, ווי צ. ב. פאַרשיידענע מעלן, קויפן זאָגאַר די היגע קרעמער דאָ אין קאָאָפּעראַטיוו, ווייל פון ווילנע ברענגען מאַכט אויס טייערער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס איז שווער די היגע קרעמער אַנטקעגנצושטעלן זיך אַזאַ קרעפטיקן און רייכן קאָנקורענט. איז טאַקע דער פּדיון אין די קראָמען, דערהויפּט אין די ניט מאַרק טעג (וועלכע קומען דאָ פאָר 2 מאָל אין חודש, אַלע 10־טן און 25־טן), זייער אַ שוואַכער. מען זאָגט דאָ, אַז אויך דאָס ביסל, וואָס די קרעמער לייזן אין אַ מאַרק, איז צו פאַרדאַנקען נאָר דעם, וואָס די אָנגעשטעלטע אין קאָאָפּעראַטיוו האָבן דאַן ניט פּשוט די פיזישע מעגלעכקייט צו באַדינען אַלע קונים, אַזוי גרויס איז דאַן דער געדראַנג. אויך זאָגט מען, אַז אין אַ יידישער קראָם קומט נאָר דער קונה, וועלכער האָט פריער איבערגעשטיגן זיין קאָנטאָ אין קאָאָפּעראַטיוו און באַקומט שוין מער ניט דאָרט אויף קרעדיט, כאָטש ער זיך אַריבער אָנגעבאָרגן ביי אַ יידן. און כאָטש דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט האַלב אין שפּאַס, שטעקט אין דעם אַ טייל ביטערער אמת.

עס איז אַ פאַקט, אַז פון קראָם אַליין איז דאָ שווער צו לעבן, פאַרנעמען זיך טאַקע דעריבער אַלע קרעמער מיט ביי־באַשעפטיקונגען. און די וויכטיקסטע פון די אַלע ביי־באַשעפטיקונגען איז די קו, דער גאָרטן און אַמאָל אַ שטיקל פעלד. אַ גאָרטן האָט דאָ יעטווידער איינער אַן אייגענעם, און דאָס שטיקל פעלד באַקומט מען פון הויף אָדער פון אַ פּויער. דער ייד גיט זיינע מיסט, זריעה און אַרבעט, און באַקומט, געוויינלעך, אַ העלפט פון דער גערעטעניש.

איבערהויפּט איז דאָ אַ טייערע זאַך די קו. זי באַוואָרנט די פאַמיליע מער ווי אויף 3/4 יאָר מיט מילכיקס, און שטעלט צו אויך די נויטיקע מיסט. מען היט זי דעריבער און מען גייט אַרום אַרום איר זייער זאָרגעוודיק.

מען באַמיט זיך אויך אויסצונוצן די גערטנער און שטיקלעך פעלד אויף אַזאַ אופן, אַז מען זאָל האָבן עטוואָס תבואה און גרינסן און קאַרטאָפל אויף אַ גאַנצן יאָר פאַר זיך און פאַר דער קו, און עס זאָל נאָך בלייבן אויף זריעה.

וואָס איז נוגע די בעל־מלאכות איז זייער לאַגע נאָך שווערער, ווי די קרעמערס. די מלאכה טראָגט נאָך ווייניקער, ווי די קרעמעריי. דערהויפּט איז אַרונטערגעגאַנגען שוסטעריי און שניידעריי. מען קויפט אַלץ, סיי בגדים, סיי שוכוואַרג, פאַרטיקע ביי די הענדלער, וואָס פאָרן נאָכער אויף די מערק פון די אַרומיקע שטעטלעך און פון ווילנע. די נאָענטקייט פון ווילנע (50 קילאָמעטער) איז איבערהויפּט אַ קנאַפּע מעלה פאַר די דאָזיקע אַרבעטער־פאַכן. דער פּויער, וועלכן עס קומט אויס זיין אָפט אין ווילנע, געוואוינט זיך איין איינצוקויפן דאָרט אַלץ, וואָס עס איז אים נויטיק, דערהויפּט וואָס איז נוגע קליידונג און שוכוואַרג.

בכלל זיינען דאָ קיין רייכע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג ניטאָ. די, וואָס מאַכן אַ לעבן, מאַטערן זיך גענוג אויף דעם. צוליב דער שווערקייט, מיט וועלכער עס קומט אויס צו מאַכן די חיונה, געפינט מען דאָ ניט קיין ברייטערן צום לעבן. מען לעבט דאָ איינגעשרענקט, אויפן שטייגער פון אַ דאָרף, הן בנוגע צום עסן און קליידונג, הן בנוגע צום גאַנצן אויסזען און פאַרנעם פון לעבן.

עס איז אַ קליין שטעטעלע מיט אַ האָרעפּאַשנער, ווייניק באַמיטלטער יידישער באַפעלקערונג. אַלע האָרעווען, סיי אַלט, סיי יונג, מיט אַ מין איבערגעגעבנקייט און ליבע צו דער אַרבעט. מען ווייס די באַדייטונג פון אַ פאַרדינטן גראָשן און מען וואַרפט זיך ניט פונאַנדער מיט אים.

דאָ איז כדאַי צו באַמערקן, אַז ניט קוקנדיק אויף דער קאָנקורענץ, וואָס די יידישע קרעמער האָבן דאָ פון קריסטלעכן קאָאָפּעראַטיוו, זיינען די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די היגע יידן און קריסטן לגמרי ניט קיין שלעכטע. עס פילט זיך ניט אין די באַציאונגען קיין אָנגעשטרענגטקייט און רייבונג. די, וואָס שטייען בראש פון דער פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו, פירן בכלל ניט ביים איצטיקן מאָמענט קיין אַגיטאַציע צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פאַר זייער אינסטיטוציע און קעגן דעם יידישן האַנדל. די זאַך זייערע, ווי זי איז איצט אויסגעשטעלט, אַגיטירט אַליין פאַר זיך. אַפילו ביים גרינדן פון קאָאָפּעראַטיוו און אין דער ערשטער צייט פון זיין אַרבעט, בעת די אינסטיטוציע איז געווען נאָך ניי און אומבאַקאַנט צווישן דער באַפעלקערונג, איז ביים אַגיטירן פאַר איר ניט שאַרף באַטאָנט געוואָרן דער יידישער מאָמענט.

מען קען דאָ אָפט זען, ווי מען באַמערקט אגב עס ניט געפינען אין אַלע שטעטלעך אויף אונזערע קרעסן, ווי אַ ייד מיט אַ פּויער זיצן פאַרטיפט אין אַ פאַרטרויליכן שמועס וועגן זייער בעל־הבתישקייט, פאַמיליע־ענינים א. ד. ג. בכלל, איז דער פּראָסטער עולם דאָ ניט אָנגעשטעקט מיט בלינדער שנאה און האַס קעגן יידן. אפשר איז עס דערפאַר, ווייל דאָ איז דער אויסערלעכער אויסזען פון יידישן לעבן אין הינזיכט פון באַשיידנלעכקייט און טראַכט ניט ווייט אַוועק פון פּויעריש, אַזוי אַז עס איז דאָ ווייניק פאַראַן סבות צו קנאה און שנאה.

.IV

ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, געהערט דאָס גאַנצע שטעטל וואָרניאַן צום פּריץ, ד. ה. ניט נאָר די ערד אויף וועלכע דאָס שטעטל איז געבויט איז זיינע, נאָר אויך אַלע בנינים — הייזער, שטאַלן און קראָמען — זיינען זיין אייגנטום. אַפילו דער בית־המדרש און די קהלשע באָד, וועלכע זיינען געבויט געוואָרן אויסשליסלעך אויף יידיש געלט, געהערן רעכטלעך און פאָרמעל צום פּריץ, ווייל ער האָט ניט דערלויבט זיי צו בויען, ביז וואַנען ער האָט ניט באַקומען פון די יידן אַן אונטערשריפט, אַז די בנינים זיינען זיינע.

די יידן האָבן געוואוינט די גאַנצע צייט אין די הייזער אַלס דעם פּריצנס לאָקאַטאָרן, מיט וועלכע מען פלעגט שליסן קאָנטראַקטן יערלעכע אָדער אויף איניקע יאָר. די דירה־געלט איז געווען ניט קיין גרויסע: 80 זלאָטעס אַ יאָר פאַר אַ וואוינונג און ביז 150 זל. פאַר אַ קראָם. ביים אויסמאָנען די דירה־געלט פלעגן נאָך געמאַכט ווערן גרעסערע אָדער קלענערע הנחות פאַר די אָרעמערע. אָבער די איבעריקע תנאים פון דער אַרענדע האָבן זייער געדריקט אויף די לאָקאַטאָרן. איבערהויפּט האָט זיך שווער געלאָזט פילן דאָס, וואָס די בנינים איז סטרענג פאַרווערט געווען צוצובויען, איבערבויען אָדער רעמאָנטירן די וואוינונגען. די מויערן און הייזער, וועלכע זיינען געבויט געוואָרן מיט איבער 100 יאָר צוריק, האָבן איצט ניט געפּאַסט אויף וואוינונגען. זיי זיינען אַלע געבויט לויט איינעם און דעמזעלבן פּלאַן. יעדער מויער אָדער הויז באַשטייט פון 2 גלייכע העלפטן, פון וועלכע יעדער איינע דינט פאַר אַ דירה. יעדער דירה האָט 2 צימערן מיט 2 פענסטער צום גאַס און 1 פענסטער צום הויף. אויסערדעם האָבן יעדערע 2 שכנותדיקע דירות אַ בשותפותדיקן פירהויז און נאָך אַ צימער, וועלכער האָט וואַרשיינלעך געזאָלט דינען פאַר אַ בשותפותדיקע קיך, אָבער וועלכער ווערט איצט אויסגענוצט אויף אַנדערע צוועקן. די איינצלנע דירות, ד. ה. די 2 צימערן, האָט עפּעס איבער 6 מעטער די לענג, ביי 5 מעטער די ברייט און עפּעס ווייניקער ווי 3 מעטער די הייך. פאַר דער

מלחמה האָבן נאָך אין טייל פֿון אָט די דאָזיקע וואוינונגען זיך געטיילט צו 2 פֿאַמיליעס. אויך איצט וואוינען 10 פֿאַמיליעס אין 5 וואוינונגען, ד. ה. צו 2 פֿאַמיליעס אין אַ וואוינונג.

פֿון אָט דער לאַגע האָבן אַמשטאַרקסטן געליטן די אָרימערע. די רייכערע פֿלעגן ווי עס איז געווייִן דורכצופֿירן אינעווייניקסטע קלענערע רעמאָנטן, און אַפֿילו, כאָטש זייער זעלטן, ווען זיי פֿלעגן אָנטרעפֿן אויף אַן עת רצון ביים פּריץ, איבערפּועלן ביי אים ער זאָל זיי ערלויבן דורכצופֿירן אַ גרעסערן רעמאָנט. די אָרימערע האָבן עס אָבער ניט געקאָנט דערוויַיזן. דעריבער זיינען זייערע וואוינונגען שרעקלעך אָפּגעלאָזן געוואָרן, די דעכער האָבן אָנגעהויבן דורכצורינען, און צוליב דעם זיינען צעפֿוילט געוואָרן דער סופֿיט און דיל. די ווענט פֿון די הילצערנע הייזער ביי די אָרימערע זיינען פֿון אַלטקייט אויסגעפֿוילערט און פֿון די מויערן אויסגעבראָקלט געוואָרן.

אַזאַ לאַגע האָט אויך שטאַרק געשטערט דער באַפֿעלקערונג אין אירע געשעפֿטן און באַשעפֿטיקונגען. די קרעמער און הענדלער האָבן ניט געקענט אויפֿשטעלן קיין שפּייכלערס אָדער סקלאַדן אויף אַרויסצולייגן סחורה, די בעל-מלאכות האָבן זיך געפּייניקט מיט זייערע ווערקשטאַטן און אַלעמען האָבן אויסגעשטעלט גיטע שטאַלן פֿאַר די קי און פֿערד און רינדער, וואו צו באַהאַלטן און היטן תבואות און אַנדערע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן.

אַזוי איז געווען ביז דעם לעצטן יאָר. אין האַרבסט 1927 האָט פּלוצלונג דער פּריץ געמעלדן, אַז ער פֿאַרקויפֿט דאָס שטעטל, און אויב זיינע לאָקאַטאָרן ווילן, קענען זיי אָפּקויפֿן זייערע הייזער. ער האָט באַשטימט אַ פּרייז פֿון 9.000 (ניין טויזנט) דאָלאַר פֿאַר פֿאָלגנדע אָביעקטן:

10 געמויערטע בנינים צו 2 וואוינונגען אין יעדערן, 3 האַלבע מויערן צו 1 וואוינונג אין יעדערן, 1 גרויסער מויער פֿאַר 8 וואוינונגען, 7 הילצערנע בנינים צו 2 וואוינונגען אין יעדערן. בכ"ה 45 וואוינונגען, אין וועלכע עס זיצן 49 פֿאַמיליעס.

חוץ דעם:

צוויי „ריאַדן" געמויערטע קראָמען:

1-טער ריאַד — 8 גרויסע קראָמען,

2-טער ריאַד — 10 קלענערע קראָמען;

צו יעדער דירה געהערט אַ הילצערנער שטאַל. צו עטלעכע דירות איז צוגעגעבן מער ווי צו איין קאַלטן בנין. אויסערדעם, איז צו יעדער וואוינונג צוגעטיילט אַ פּלאַץ („סיעדזיבע") און אַ גאָרטן. דער אַלגעמיינער שטח פֿון אַלע פּלעצער, גערטנער, לאָנקע און מאַרק-פּלאַץ (וועלכער גייט אויך אַריין אין דער קניה, אויסער דער אַלייע אין דער ברייט פֿון 25 מעטער, וועלכע דער פּריץ האָט איבערגעלאָזן פֿאַר זיך) באַטרעפֿט אומגעפֿער 15 העקטאַר. אויך באַקומען לויטן קאָנטראַקט די קונים רעכט אויף דער שטעטלשער פּאַשע, צוזאַמען מיט די איבעריקע שטעטלשע איינוואוינער, וועלכע האָט אַ שטח אויך אומגעפֿער פֿון 15 העקטאַר.

(דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז איינציקע מויערן און הייזער זיינען אָפּגעקויפֿט געוואָרן דורך זייערע פֿריערדיקע לאָקאַטאָרן, ייִדן און קריסטן, באַזונדער פֿון דער גאַנצער שטעטל).

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פֿון 5 פּערזאָן מיטן רב בראָש, אויף וועלכע עס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די אַרבעט דורכצופֿירן די קניה. אין דעם 20-טן נאָוועמבער 1927 איז געשלאָסן געוואָרן דער צייטווייליקער קאָנטראַקט מיטן פּריץ. דער צייטווייליקער קאָנטראַקט איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויף די נעמען פֿון די 6 פּערזאָן פֿון קאָמיטעט.

לויט דעם דאָזיקן קאָנטראַקט האָט מען 33 פּראָצ. פֿון דער סומע געדאַרפֿט איינצאָלן גלייך, און די איבעריקע געלט אין 3 ראַטעס: דעם 20-טן מערץ 1928 — 25 פּראָצ. פֿון דער סומע, דעם 20-טן יולי — 25 פּראָצ. און די איבעריקע 17 פּראָצ. דעם 20-טן נאָוועמבער 1928.

די שמחה אין שטעטל פֿון שליסן דעם קאָנטראַקט אויף דער קניה איז געווען אומגעהויערע. מען האָט געפֿילט, אַז מען ווערט מיטאַמאָל פּטור פֿון אַ שווערן יאָך, וואָס האָט אויף אַלעמען מוראדיק געדריקט. אַלעמען איז נאָך געווען פֿריש אין זכרון די מעשה מיט די 3 ייִדישע פֿאַמיליעס, וועלכע זיינען אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿאַר עפּעס אַ מסירה פֿאַרן פּריץ פֿון זייערע וואוינונגען און האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל. דערביי איז איינע פֿון די פֿאַמיליעס (פֿון געוועזענעם אַרענדאַר פֿון „פֿאָרוואַל") איינגאַנצן צורואינירט געוואָרן און געקומען צו אַ זייער נידעריקער מדרגה. מען האָט געהאַט אַ געפֿיל, אַז מען ווערט באַפֿרייט פֿון אַ מין „קנעכטשאַפֿט", אַז מען וועט פֿון איצט אָן קענען ביי זיך אין הויז זיך פֿרייער באַוועגן און טאָן וואָס מ'וויל.

די שמחה איז אָבער באַלד געדעמפּט געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שוועריקייטן פֿון גאָר אַן אַנדער מין, דהיינו: געלט-שוועריקייטן. שוין ביים איינצאָלן די ערשטע ראַטע פֿון קרוב 3.000 דאָלאַר איז אַ טייל איינוואוינער אויסגעקומען שטאַרק זיך אָנצושטרענגען. איינציקע, למשל, האָבן געמוזט צו דעם צוועק פֿאַרקויפֿן זייערע קי, וואָס אָן דעם איז דאָ שווער אויסצוקומען, אַנדערע האָבן געמוזט לייען געלט אויף זייער הויכע פּראָצענטן. די אויסזיכטן אויף צו שאַפֿן די צווייטע ראַטע אין דער גרייס פֿון איבער 2.000 דאָלאַר און אויך די ווייטערדיקע ראַטעס זיינען דעריבער געוואָרן ניט זיכער און זייער באַאומרואיקנד. ווייל, לויט דעם קאָנטראַקט, איז אין פֿאַל פֿון ניט איינצאָלן צום טערמין אַ ראַטע, ווערט בטל די קניה און עס גייט פֿאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט פֿון די פֿריער איינגעצאָלטע ראַטעס. און אויסער די 9.000 דאָלאַר פֿאַרן פּריץ האָבן די קונים געדאַרפֿט שאַפֿן נאָך אומגעפֿער אַ 1.200 - 1.300 דאָלאַר אויף דורכצופֿירן די אויסמעסטונגען, צונויפֿשטעלן די פּלענער און דעקן אַלע הוצאות פֿון מאַכן די „קאָסטעס" (רעגירונגס און קאָמונאַלע שטייערן, נאָטאַריעלע און היפּאָטעק-אָפּצאָלונגען א. אַנד.). אַלזאָ, צוזאַמען האָט דאָס שטעטעלע געדאַרפֿט שאַפֿן אין משך פֿון קנאַפּן יאָר איבער 10.000 (צען טויזנט) דאָלאַר אין מזומן, וואָס איז געווען גרעסער פֿאַר זיינע כוחות.

דער קאָמיטעט פֿון די 6 האָט דאַן גלייך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו די גרויסע ייִדישע געזעלשאַפֿטן („יק"א" און „דזשוינט") מיט אַ ביטע וועגן אַן הלוואה פֿאַרן שטעטל. די אונטערהאַנדלונגען מיט „יק"א" זיינען געווען קורץ: באַלד האָט מען באַקומען אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג. די אונטערהאַנדלונגען מיטן „דזשוינט" האָבן אויך ניט געבראַכט קיין פּאָזיטיוון רעזולטאַט. קורץ פֿאַר דער צווייטער ראַטע האָבן פֿאַרשטייער פֿון קאָמיטעט דערלאַנגט אַ ביטע וועגן אַ הלוואה פֿערזענלעך דעם „דזשוינט"-דירעקטאָר פֿאַר אייראָפּע, ה' בערנהאַרד קאַהן, ביי זיין באַזוך אין וואַרשע. אָבער האָבן פֿון אים קיין דעפֿיניטיוון ענטפֿער אויף זייער בקשה ניט באַקומען.

דערווייל איז אָנגעקומען דער טערמין פֿון די צאָלונגען פֿון דער צווייטער ראַטע. זי איז געשאַפֿן געוואָרן מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען און דורך אַ ממש מסירות-נפֿשדיקער אַרבעט פֿון די מער איבערגעגעבענע מיטגלידער פֿון קאָמיטעט.

גלייכצייטיק האָט דער קאָמיטעט פֿאַרדאָפּלט זיין טעטיקייט אין דער ריכטונג צו באַקומען אַ הלוואה. ער האָט אַנטוויקלט אַן אַגיטאַציע צווישן די וואָרניאַנער לאַנדסלייט אין אַמעריקע דורך פּריוואַטע בריוו און דורך דער פּרעסע („פֿאָרווערטס"), אַז זיי זאָלן פֿון זייער זייט מיטהעלפֿן אין דעם ענין פֿון דער הלוואה. אויך האָט זיך איינגעגעבן צו פֿאַראינטערעסירן מיט דעם די ווילנער געזעלשאַפֿטלעכע טוער. דעם צווייטן מעמאָראַנדום צום „דזשוינט", צונויפֿגעשטעלט מיטן הסכם פֿון „יעקאָפּאַ", האָבן אונטערגעשטיצט מיט זייערע אינטערווענציעס דער סיים-דעפּוטאַט ד"ר ווי־גאָדסקי, די סענאַטאָרן הרב רובינשטיין און ד"ר שאַבאַד און ה' משה שאַליט.

דער רעזולטאַט פֿון די השתדלות איז געווען דער, אַז דעם 25-טן מאַי 1928 זיינען אָנגעקומען אין שטעטל דער דירעקטאָר פֿון „דזשוינט"-פֿאַר פּוילן ה' י. גיטערמאַן און דער גענעראַל-סעקרעטאַר פֿון „יעקאָפּאַ" ה' משה שאַליט אויף אויסצופֿאָרשן די לאַגע אויף אָן אָרט. און דאָ אויף אָן אָרט האָבן זיי צוגעזאָגט אַ הלוואה פֿון 2.000 (צוויי טויזנט) דאָלאַר. די הלוואה איז נאָכדעם פֿאַרגרעסערט געוואָרן מיט נאָך 250 (צוויי הונדערט פֿופֿציק) דאָלאַר. די ערשטע 2.000 דאָלאַר זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס הלוואה אויף די ראַטע-צאָלונגען. די סומע האָט באַטראָפֿן 50 פּראָצ. פֿון דער דריטער און פֿערטער ראַטע. די תּוספֿת-הלוואה פֿון 250 דאָלאַר איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן אויף די קאָסטן פֿון די „קאָסטעס". די באַדינגונגען פֿון דער הלוואה זיינען זייער לייכטע. זי ווערט צוריקגעגעבן אין ראַטעס, אויף וועקסלען אונטערגעשריבן פֿון הלוואה-נעמער און זשירירט דורך די 6 מיטגלידער פֿון קאָמיטעט. די טערמינען פֿון אויסצאָלן איז פֿון 3 ביז 5 יאָר אין קליינע, האַלב- אָדער פֿערטל-יעריקע ראַטעס. דער פּראָצענט איז זייער אַ קליינער און באַטרעפֿט דורכשניטלעך בסך-הכל 2,6 (צוויי מיט זעקס צענטל) אַ יאָר. ער וועט קוים קלעקן אויף צו דעקן די הוצאות, וואָס „יעקאָפּאַ", דורך וועלכער די הלוואה איז געגעבן, האָט געהאַט ביי איר דורכפֿירונג און וועלכע עס וועלן נאָך מוזן זיין ביים איינקאַסירן דאָס געלט אויף די וועקסלען.

די הלוואה האָבן באַקומען 34 לייט, און יעדערן איז באַשטימט געוואָרן אַ געוויסע סומע, וואָס ער האָט נאָך געהאַט צו צאָלן אין די לעצטע צוויי ראַטעס.

די באַדייטונג, וואָס די הלוואה האָט געהאַט פֿאַרן שטעטל, איז אין לשער. מען קען זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן, צו וואָס פֿאַר אַ שווערע פֿאָלגן עס וואָלט דערפֿירט דאָס ניט דערפֿילן די געלט-התחייבותן לויטן קאָנטראַקט צום טערמין. עס איז זייער מעגלעך, אַז עס וואָלטן פֿאַרלאָרן געגאַנגען די איינגעצאָלטע אין די ערשטע צוויי ראַטעס איבער 5.000 דאָלאַר, און די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון שטעטל, אָדער, לכל הפּחות, דער גרעסטער טייל איר, וועלכע וואָלט ניט געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצוקויפֿן דאַן, נאָכן אַנולירן פֿון דעם ערשטן קאָנטראַקט, צום צווייטן מאָל זייערע הייזער, — און איצטער שוין צו אַ פֿיל העכערן פּרייז, — וואָלט געשטאַנען פֿאַר אַ סכנה אַרויסגעוואָרפֿן צו ווערן אויפֿן גאַס. אַלנפֿאַלס, וואָלטן פֿיל פֿון די קונים ניט געקענט בלייבן ביי זייער גאַנצער נחלה. ווייל, איידער עס איז באַוואוסט געוואָרן, אַז מען באַקומט אַ הלוואה, האָבן אַ טייל פֿון די קונים געפֿירט אונטערהאַנדלונגען וועגן פֿאַרקויפֿן זייערע גערטנער, כדי מען זאָל קענען

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

אײַנהאַלטן די הײַזער, אָדער װעגן פֿאַרקױפֿן די הײַזער, כּדי מען זאָל כאָטש בלײַבן בײַ דער קרן. בעלנים אױף דעם האָבן זיך גלײַך געמאָלדן, אָבער ניט פֿון די שטעטלשע ייִדן, איז פֿון די אַרומיקע דאָרפֿישע אײַנװאױנער. איצט אָבער האָט יעדערער אײַנגעהאַלטן דאָס, אױף װאָס ער, זײַנע עלטערן און זײדעס זײַנען געזעסן פֿיל צענדליקער יאָרן, און כאָטש ביז איצט אַ פֿרעמדס, איז פֿון לאַנגן זיצן אױף דעם אײן געװײנהײט געװאָרן טײַער און ליב, װי אַן אײגענס. אױסער דעם, מוז דאָ יעדער ייִד האָבן זײַן גאָרטן, כּדי ער זאָל האָבן קאַרטאָפֿל און גרינסן אױפֿן גאַנצן יאָר און אױך כּדי ער זאָל קענען אױסהאַלטן די קו, אױך מוז דאָ יעדער האָבן זײַנע פֿיר װינקעלעך, װײַל דינגען דאָ אַ דירה איז אַבסאָלוט אוממעגלעך.

מערקװירדיק איז דאָס, װאָס נאָך אײדער עס זײַנען געמאַכט געװאָרן די „קוסטעס“, נאָר װי נאָר דער עולם האָט דערפֿילט, אַז די הײַזער װערן זײערע אײגענע, האָט מען זיך גענומען מיט אַלע כּוחות, כאָטש מען איז זײער פֿאַרדריקט אין געלט, צו פֿאַרריכטן און רעמאָנטירן, װיפֿיל עס לאָזט זיך נאָר, אַזױ אַז אַפֿילו אױסערלעך באַקומט דאָס שטעטל מיט יעדן טאָג אַ מער שענערן און אָפּגעפּוצטן אױסזען.

V.

בנוגע דעם קולטורעלן און סאָציאַלן מצב פֿון שטעטל פֿילט זיך דאָ אַ גרױסע אָפּגעשטאַנענקײט. מעגלעך, אַז אין דעם איז ניט אַזױ שולדיק די ייִדישע באַפֿעלקערונג, װי איר קלײנע צאָל. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אַ קלײנער ייִדישער קיבוץ איז ניט אימשטאַנד צו שאַפֿן און אױסצוהאַלטן די אַלע קולטורעלע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, װי אַ גרעסערער קיבוץ.

די ניט גענוגנדע צאָל קינדער פֿון שול-עלטער, למשל, האָט געמאַכט אוממעגלעך דאָס עפֿענען דאָ פֿון אַ ייִדישער פֿאָלקס-שול. די קינדער לערנען זיך צום גרעסטן טײל אין דער פּױלישער „פּאָװשעכנע“, און נאָר אַ קלײנער טײל, דערהױפּט ייִנגלעך, באַזוכן אַ חדר. מיט אײניקע יאָר צוריק האָט דאָ די „החלוץ“-אָרגאַניזאַציע געגרינדעט אַ ביבליאָטעק מיט אַ היפּשער צאָל (אײניקע הונדערט) ביכער. אָבער נאָכן אָפּפֿאָרן פֿון די פֿירער פֿון „החלוץ“ אין ארץ-ישראל איז די ביבליאָטעק איבערגעגאַנגען אין פּריװאַטע הענט און האָט פֿאַרלאָרן איר געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער. ביכער װערן אַרױסגעגעבן, װי פֿריער, אָבער עס פֿעלן די מעות, װעלכע פֿלעגן זײַן פֿאַר דער אַנטװיקלונג און פֿאַרגרעסערונג פֿון ביבליאָטעק.

אין שטעטל איז װײניק אַנטװיקלט די געזעלשאַפֿטלעכקײט. עס פֿעלן אױך אַזעלכע מוסדים װי „ביקור חולים“ אָדער „לינת הצדק“. דאָ איז ניטאָ דער טיפּ פֿון געזעלשאַפֿטלעכן טוער, קהלשן עסקן, װעלכן כּמעט יעדער ייִדישער קיבוץ פֿאַרמאָגט און װעלכער דערװעקט און האַלט אונטער אין זײַן שטעטל די געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקײט.

צום שבח פֿון די היגע ייִדן מוז אָבער באַמערקט װערן, אַז דאָס אױספֿעלן דאָ פֿון װאױלטעטיקע אַנשטאַלטן איז לחלוטין ניט קײן באַװײַז אױף דעם, אַז זײ האָבן בכלל פֿאַרמאַכטע הענט. פֿאַרקערט, װאָס עס איז נוגע דעם אָנגערופֿענעם ענין פֿון „צדקה“, קען מען צו די היגע ייִדן גאָרניט טענהן. גבֿירישע מקבלים און סתּם אָרימע-לײַט, װאָס גײען דורך דאָס שטעטל, בלײַבן זײער צופֿרידן פֿון די היגע נדבֿות. לערך צו דער גרײס פֿון דער שטעטל מאַכן זײ אױף גרױסנדע סכומים, כאָטש אַזעלכע חורבנײער און דורכפֿאָרער זײַנען דאָ ניט קײן זעלטנהײט.

װײַט צװײ יאָר איז דאָ טעטיק אַ „גמילות-חסדים“-קאַסע, װעלכע איז געגרינדעט געװאָרן דורך „יעקאָפּאָ“. דער גמ"ח האָט 64 מיטגלידער. הלװאָות װערן אַרױסגעגעבן אײנמאָל אין װאָך אַלע װאָכן. די גרײס פֿון אײן הלװאָה איז פֿון 50 ביז 150 גילדן, אױף אױסצאָלן ראַטעסװײַז. די קלײנע הוצאות פֿון גמ"ח װערן געדעקט פֿון מיטגלידס-אָפּצאָל. די באַדײַטונג פֿון גמ"ח האָט זיך געפֿילט באַזונדערס שטאַרק, װען דאָס גאַנצע שטעטל איז געװען פֿאַרדריקט אין געלט צוליבן אָפּקױפֿן פֿון שטעטל. לײדער, איז אָבער די סומע, מיט װעלכע דער גמ"ח אָפּערירט, אַ קלײנע, און ס'איז אױך ניטאָ קײן האָפֿענונג, אַז זי זאָל אין דער נאָענטסטער צײַט קענען פֿאַרגרעסערט װערן דורך שטעטלשע דעפּאָזיטן. עס װעט נאָך געדױערן אַ פּאָר יאָר, ביז װאַנען דאָס שטעטל װעט אױסצאָלן די חובֿות, װאָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן אָפּקױפֿן פֿון די הײַזער, און דורך דער גאַנצער צײַט איז אױסגעשלאָסן אַ צופֿלוס פֿון דעפּאָזיטן אין דער גמ"ח-קאַסע.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן קולטורעלן מצב פֿון שטעטל, װעגן װעלכן עס איז גערעדט געװאָרן אין דעם קאַפּיטל, מוז נאָך אָנגעװיזן װערן אױף דעם, אַז די גאַנצע היגע יוגנט, אױסער אַ 2—3 בחורימלעך, װעלכע געפֿינען זיך אין ישיבֿות, האָט קײנמאָל ניט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל צוליב בילדונגס-צװעקן, אָדער כּדי צו אױסלערנען אין שטאָט אַ פֿאַך וכדומה. נאָך אין דער פֿריער יוגנט הײבט מען אָן העלפֿן די עלטערן אין זײערע באַשעפֿטיקונגען און טראָגן מיט זײ צוגלײַך דעם שװערן יאָך פֿון פּרנסה. און אַזאַ צושטאַנד האָט געלײגט זײַן שטעמפּל אױף דער היגער יוגנט, ייִנגלעך און מײדלעך, װעלכע זײַנען פֿאַרגרעבט פֿון זון און װינט, עפּװאָס פֿאַרגרעבט אין זײער אױסזען און טראָגן אין די געזיכט-שטריכן אַ מין ערנסט, ניט נאָך זײערע יאָרן. די קלײדונג, בפֿרט װאָס עס איז נוגע די ייִנגלעך, איז זײער אײנפֿאַך, און אַלע זײַנען װײַט פֿון נאָכגעבן אָדער פֿאַרצערטלען זיך.

VI.

צום סוף װיל איך נאָך איבערגעבן עטלעכע מעשׂיות, װעלכע איך האָב זיך דאָ אָנגעהערט זײער פֿיל און װעלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די באַציאונגען, װעלכע האָבן דאָ געהערשט צװישן פּריץ, דעם װירט פֿון די הײַזער, און זײַנע לאָקאַטאָרן.

אַרײַנגײענדיק צום פּריץ, פֿלעגט דער לאָקאַטאָר זײַנער מוזן קושן אים אין אַ האַנט און אין אַ קני. ער פֿלעגט שױן אין אַזאַ פֿאַל צום קושן אױסנעמען די דאָזיקע אינטערעסאַנטן זײַנע: אַ פֿיס פֿאַרלײגט אױף אַ טיש און עפּװאָס אױסגעשטרעקט אַ האַנט. אָנהײבן אַלײן רײדן איז געװען שטרענג פֿאַרבאָטן. מען פֿלעגט מוזן װאַרטן אױף אַן ערלױבעניש פֿון פּריץ צו רײדן. אַמאָל פֿלעגט ער לאָזן שטײן אַזױ דעם אינטערעסאַנט אַ שװײַגנדיקן אַ לאַנגע צײַט, אָפּטמאָל פֿלעגט ער מאַכן לאַנגע פּױזעס אין מיטן געשפּרעך, באַקלערנדיק דעם ענין, װעגן װעלכן עס האַנדלט זיך, פֿאַר זיך אין דער שטיל. דער לאָקאַטאָר פֿלעגט מוזן שטײן די גאַנצע צײַט אין שװײַגן, ניט איבעררײַסן, חלילה, מיט אײן װאָרט דעם פּריצס מחשבֿות. די ערשטע יאָרן פֿון דעם איצטיקן פּריצס ממשלה פֿלעגט מען רײדנדיק ניט טאָרן שטײן נאָענט צו אים און אײַנקוקן זיך אים אין געזיכט. בײַ אים איז זאָגאַר געװען אַזױ אײַנגעפֿירט: ער פֿלעגט אױסנעמען די אינטערעסאַנטן, זיצנדיק צו זײ מיט דער פּלײצע. פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ גרױסער טרימאָ-שפּיגל, אין װעלכן ער פֿלעגט קענען זען דעם אינטערעסאַנט און אַלע זײַנע באַװעגונגען. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז קײנער האָט ניט געהאַט די זכיה צו זיצן אין דעם פּריצס געגנװאַרט. אױסנעמען פֿלעגט ער אײַנציקװײַז. און מער קײן מאָל ניט צװײ אינטערעסאַנטן, כאָטש װעגן אײן און דעמזעלבן ענין, [illegible].

מיט דעם שפּיגל איז אײנמאָל פֿאָרגעקומען אַזאַ עפּיזאָד. צום פּריץ איז געקומען אַ גרױסער װאַלד-סוחר װעגן אַ װאַלד-קניה. דער פּריץ האָט אים אױפֿגענומען בײַם שפּיגל, געװענדעט צו אים מיט דער פּלײצע, און האָט אים ניט געבעטן זיצן. דער סוחר האָט בײַ די ערשטע װערטער גענומען גײן צוריק צום טיר. דער פּריץ, באַמערקנדיק עס אין שפּיגל, האָט געפֿרעגט, װאָס באַדײַט עס, װאָס דער סוחר גײט אַװעק, ניט רײדנדיק אַפֿילו װעגן געשעפֿט, װאָס האָט אים געבראַכט אַהער. דער סוחר האָט געענטפֿערט, אַז ער זעט פֿאַר זיך ניט קײן מענטשן. „אָבער איך זע דאָך דיר אין שפּיגל“ — האָט דער פּריץ געזאָגט. יאָ, האָט דער סוחר געענטפֿערט, דו זעסט פֿאַר זיך אַ מענטשן, איך זע אָבער מער ניט, װי אַן אָחור. ער איז אַװעק, ניט פֿאַרענדיקט קײן געשעפֿט. פֿון דעמאָלט אָן, דערצײלן די היגע אײַנװאױנער, האָט דער פּריץ אַװעקגעװאָרפֿן די דאָזיקע געװױנהײט זײַנע מיטן שפּיגל.

אַז אַ לאָקאַטאָר פֿלעגט אים ברענגען דירה-געלט, פֿלעגט דעם פּריצס ערשטע פֿראַגע זײַן װיפֿל האָסטו געבראַכט? די סומע, װאָס דער לאָקאַטאָר האָט געבראַכט, פֿלעגט ער גלײַך פֿון אַרױסלײגן אױפֿן טיש, ערשט נאָך דעם פֿלעגט זיך אָנהײבן אַ דינגעניש װעגן דעם איבעריקן חובֿ. װען דער לאָקאַטאָר פֿלעגט מוזן גײן צוברענגען נאָך געלט, פֿלעגט ער די שױן אָנגעגעבענע סומע (עס פֿלעגט מעגן זײַן כאָטש ניט מער, װי אײן זלאָטע) מוזן לאָזן אױפֿן טיש. דער פּריץ האָט ניט געהאַט קײן צוטרױ, אַז דער לאָקאַטאָר װעט קומען אַ צװײטן מאָל, און ער האָט ניט געװאָלט פֿאַרלירן דאָס, װאָס ער האָט שױן געהאַט אין האַנט.

אױסער די דירה-געלט, פֿלעגט די היגע אײַנװאױנער אױסקומען צו באַגעגענען זיך בײַם רעכ פּריץ אין אָנגעלעגנהײטן פֿון פֿאַרשײדענע שטראָפֿן פֿאַר זײער פֿי, װאָס איז פֿאַרנומען געװאָרן אין „היזק“, א. ה. נ. דאָ איז ער געװען שטרענג, און מען האָט געמוזט באַצאָלן, װאָס ער האָט געהײסן.

אײן ייִד האָט מיר איבערגעגעבן, װי עס איז צוגעגאַנגען דאָס אײַנצאָלן דעם שטראָף פֿאַר זײַנע אַ פֿאַרנומענע קו. די ערשטע פֿראַגע דעם פּריצס איז געװען, צי װײסט ניט דער ייִד, צוליב װאָס האָט ער אים גערופֿן צו זיך. דער ייִד האָט געזאָגט, אַז ער װײסט ניט. דאַן האָט דער פּריץ געפֿרעגט דעם ייִדן, אפֿשר װײסט ער, װוּ געפֿינט זיך איצט זײַן קו. דער ייִד האָט װידער געענטפֿערט, אַז ער װײסט ניט. דער פּריץ האָט דאַן גענומען באַשרײַבן פֿאַרן ייִדן, װי זײַן קו שטײט איצט און בלאָזט פֿון זיך כּסדר: פּפו, פּפו, פּפו. דער ייִד איז געשטאַנען אַ פֿאַרװאונדערטער, ניט באַגרײַפֿנדיק, װאָס מײנט דער פּריץ מיט דעם פּפו, װעלכן ער האָט אַ צײַט לאַנג פֿון זיך אַרױסגעבלאָזן, נאָכמאַכנדיק דעם ייִדנס קו. נאָכדעם ערשט האָט ער גענומען דערקלערן דעם פֿאַרבלימטן ייִדן, אַז זײַן קו בלאָזט אַזױ פֿון זיך, ערשטנס, צוליב נחת, װײַל זי שטײט איצט אין אַ גאָר הײכן גראָז, אין דעם „אַנגערע“ פֿון דעם „יאַשנע װעלמאָזשני פּאַניע“, און, צװײטנס, װײַל עס פֿאַרכאַפּט איר דעם אָטעם פֿון דער [illegible], װעלכע זי האָט אױך זיך צוגענומען בײַ אים אין „היזק“. נאָך דער „הקדמה“ האָט ער געהײסן גלײַך באַצאָלן אים 3 זלאָטעס. אַז דער ייִד, װירקלעך אַן אָרימער, האָט זיך געװאָלט אָפּבעטן, האָט אים דער פּריץ אָנגעװיזן, אַז ער גײט אין גוטן שפּיטול, און יעדער עס װיל גײן אין גוטן שפּיטול מוז ער זײַן

ניט ערנסטלעך און פארגעסן דעם צווייטנס. אָט אין ריגע, און ווילנע, האָט דער פריץ געזאָגט, האָב איך געזען מענטשן אויפן טראָטואַר באָרוועס. זיי גייען באָרוועס, ווייל זיי ווילן יענעמס ניט און ווילן ערנסטלעך דורכלעבן זייער וועלטל. דער ייד האָט געמוזט איינצאָלן די 3 זלאָטעס און באַפרייען זיין קו פון דער „בכבודיקער" אַגאַרע.

גערופן האָט מען אים געמוזט מיטן פולן טיטול: „יאַכנע וועלמאָזשנע פּאַניע". פאַר „פּאַנאַצקי", וועלכער פלעגט זיך אַמאָל פארטראַכטן אין ריידן ביי א ייד אָדער א יידענע, פלעגט ער ווערן מלא היכה, און ער פלעגט אין כעס איבעררייסן: „א יונגעלע בין איך דיר, וואָס דו רופסט מיך פּאַנאַצקי".

אין אַלגעמיין איז דער פריץ א זקן אין די 90-ער, א זעלטענער טיפּ. ער פארברענגט דעם גרעסטן טייל פון יאָר אין אייסלאַנד, אָדער אין טיראָל, אין ווילנע אָדער ווארשע. די צייט אָבער, וואָס ער געפינט זיך דאָ, וואוינט ער אין אַן ענגע, שרעקליך אָפּגעלאָזענע דירה. שלאָפן שלאָפט ער אויף דער ערד, אויף א גרויסן סטרויענעם „סעניק". ווען א לאָקאַטאָר זיינער פלעגט זיך פאַר אים באַקלאָגן אויף זיין וואוינונג, פלעגט דער פריץ אים זאָגן: זע, קוק זיך איין, ווי איך, אייער פריץ, וואוין. ניט בעסער, און טיילכס נאָך ערגער, ווי דו.

פאָרן פון באַן פאָרט ער אויף א בעטציעלן, פאַר די דאָזיקע רייזעס זיינע, איינגעריכטעטן וואָגן, אַן אָנגעפּאַקטן פול מיט סטרוי. די רעדער פון וואָגן זיינען משונה גרויס, הויך און ברייט, און לאָזן אויס: וועג א באַזונדערן, קאָנטיקן „פליאַר". סיי זומער און סיי ווינטער, אין א זוניקן אָדער פארוואָלקנטן טאָג, מעג זיין א ווינט, א רעגן, א שניי, אָדער א סטילער מתיהריקער וועטער, איז שטענדיק אין וואָגן איבער זיין קאָפּ פונאַנדערגעעפנט א גרויסער שירם.

אין געלט-ענינים איז זיין אויפפירונג אויך מאָדנע. עס טרעפט, אַז ער גיט דעם טעלעגראַמען-טרעגער, וועלכער האָט אים געבראַכט א דעפּעשע, א גאַנצן הייפן געלט, ניט ציילנדיק, ווייל ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע, אַלס „טיי-געלט". ער קען אָבער אַמאָל אויך פארשליסן ביי זיך אין דעם וועג-קעסטל א קאָלעס, וועלכער איז געבליבן פון מיטאָג און וועלכן מען געפינט נאָכדעם אין א צייט אַרום א פארשימלטן און פארפוילטן.

איך וויל פארענדיקן מיט איבערגעבן א פאַקט, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום איצטיקן פריץ, אָבער וועלכער באַווייזט, ווי ווייט די יידן, היגע איינוואוינער, זיינען געווען פארשקלאַפט ביי זייערע פריצים. די מעשה איז פאָרגעקומען מער ווי מיט 30 יאָר צוריק, ווען דאָס שטעטל האָט געהערט צו די אָסעצימסקיס (צו וועמען זי איז איבערגעגאַנגען פון די סניעדעצקיס), און הויף איז דעמאָלט געזעסן ווייטער א פארוואַלטער, אייגנטלעך ניט קיין שלעכטער מענטש, נאָר זייער א האָנאָראָווער און וועמען די קלענסטע זאַך איז געווען עלול אַרויסצוברענגען אין א מוראדיקן כעס.

דער ייד, מיט וועמען די מעשה האָט פּאַסירט, איז דאַן געווען א יונגערמאַן, און ער האָט געהאַט א פרוי מיט 2 קליינע קינדערלעך. זיין געשעפט איז געווען קצבות. איינמאָל, אין א הערבסט-אָוונט, ווען ער איז געווען אַלס מחותן אויף א חתונה פון זיינעם א קרוב אין שטעטל, איז מען געקומען אים רופן אין הויף. דער שליח האָט געזאָגט, אַז אין הויף איז געפאַלן א פערד, און אַז דער פארוואַלטער רופט אים. ער זאָל קומען צעפּשיטן די פעל. דער ייד האָט געבעטן דעם שליח איבערגעבן דעם פארוואַלטער, אַז ער קען איצט ניט קומען, און אַז מאָרגן פרי וועט ער ערפילן דעם פארוואַלטערס פארלאַנג. דער שליח איז אַוועק. אָבער אין א האַלבע שעה אַרום איז געקומען א צווייטער שליח מיט א „פּריקאַז" גלייך צו קומען אין הויף. דער ייד איז ניט ווילנדיק אַוועק. אַז ער איז אַריין צום פארוואַלטער, האָט דער לעצטער, ניט רעדנדיק קיין וואָרט, מכבד געווען אים מיט צוויי פייערדיקע פעטש, פון וועלכע דעם יידן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און ער האָט אים דורכגעטריבן. קומענדיק אַהיים האָט ער געטראָפן, אַז פון זיין דירה איז לויט א באַפעל פון הויף אַרויסגענומען געוואָרן די פענצטער און טירן. דער ייד האָט געמוזט נעמען זיינע 2 קליינע קינדער, וועלכע זיינען שוין געשלאָפן, און גיין זוכן אַן אָרט צום איבערנעכטיקן.

דער ייד איז דעמאָלט געווען נאָך גאָר א יונגער מאַן, דערצו א היציקער פון נאַטור, און, ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן, האָט אים די גאַנצע נאַכט געקאָכט די האַרץ און ער האָט זיך ניט געקענט איינשטילן. ביי אים איז געווען רעכט צו פארלאָזן דאָס שטעטל און גיין זוכן אַן אַנדער אָרט אויף צו באַזעצן זיך. נאָר אויף מאָרגן פרי האָט זיין פאָטער, און אויך די אייגענע פרוי, גענומען אים איינריידן און צושפּיין צו אים, ער זאָל גיין איבערבעטן דעם פריץ. ער האָט געמוזט זיי פאָלגן. ער איז אַריין צום פארוואַלטער, איז א קוש געטאָן אין האַנט און געבעטן ער זאָל אים דערלאָזן אָפּשינדן דעם פערד. וועגן די פעטש האָט ער מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט. דער פארוואַלטער האָט אים געשיקט צו דעם געפאַלענעם פערד און האָט אים געהייסן קומען נאָך געצאָלט. ער האָט אָפּגעטאָן די אַרבעט, באַקומען 3 רובל מיט 50 קאָפּיקעס און אויסערדעם האָט אים דער פארוואַלטער צוגעשיקט אַלס מתנה א טון קאַרטאָפל און אויך א ביסל קאָרן. אויך זיינען צוריק איינגעשטעלט געוואָרן די פענצטער און טירן, און דער ייד האָט זיך געקענט אַריינקלייבן צו זיך אין דירה.

איבערקערנדיק זיך צום איצטיקן פריץ, דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז אין הלכות דירה-געלט האָט ער ווייניק וואָס געדריקט זיינע לאָקאַטאָרן און אַז ער איז בכלל געווען גאָר ניט קיין שלעכטער מענטש, פון וועלכן זיינע שכנים-יידן זיינען אַפילו אָפטמאָל געווען צופרידן.

עס זיינען א פּאָר עפּיזאָדן:

עס קומט די צייט, ווען מען דאַרף אַריינטראָגן די האַלב-יאָריקע רעשט דירה-געלט. עס גייט אַריין צום פריץ א געדריקטער ייד, זיינער א לאָקאַטאָר. ער קושט ביים פריץ די האַנט און עס אַנטוויקלט זיך צווישן זיי אַזאַ געשפּרעך:

דער ייד. יאַכנע וועלמאָזשנע פּאַניע, איך דאַרף אַריינטראָגן דעם פריץ 40 גילדן דירה-געלט פאַר א האַלבן יאָר. וואָס זאָל איך אָבער טאָן, פּריצל, אַז איך האָב ניט, אַז איך בין אַן אָרעמאַן, אַז איך פאַרדין ניט א גראָשן און האָב ניט קיין ברויט אין שטוב.

דער פריץ. אַז דו ביסט אַזאַ אָרעמאַן און דו פאַרדינסט דאָ גאָרניט, סאָ לעמאַי דאַרפסטו זיצן אין וואָרניאַן? פאָר בעסער אַרויס אין ווארשע אָדער פּאַריז. איך קום אָקאָרשט פון דאָרטן. עס זיינען זייער שיינע שטעט, און דאָרטן איז גוט און פריילעך צו לעבן. איך וועל דיר געבן פאָרן פאַר דיר און דיין פאַמיליע און נאָכן ביזן באַן.

דער ייד. פּריצל, אָבער וואָס וועל איך דאָרטן טאָן, אַז אַפילו דאָ, אין דער קליין שטעטעלע בין איך אַן אָרעמאַן און האָב ניט קיין גראָשן געלט ביי דער נשמה?

דער פריץ. ביזט טאַקי אַזאַ גרויסער אָרעמאַן, ווי דו זאָגסט, סאָ גיב מיר דערווייל אויף דירה-געלט כאָטש 20 גילדן.

דער ייד. פּריצל, אַז איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך האָב גאָרניט.

דער פריץ. וואָס הייסט, גאָרניט? גיב 10 גילדן.

דער ייד. פּריצל, אַז איך האָב אַזויפיל אויך ניט.

דער פריץ. אַזוי, הייסט דאָס, אַז דו ווילסט גאָרניט צאָלן; זאָג מיר גאָר אָקאָרשט, אין וועמעס דירה וואוינסטו?

דער ייד. וואָס הייסט, אין וועמעס? איך וואוין דאָך אין הויז פון יאַסנע וועלמאָזשנע פּאַניע.

דער פריץ. אַזוי, ווייסטו, אַז דו וואוינסט אין מיינע א דירה, אויף אַזאַ אופן, מוזטו מיר צאָלן דירה-געלט. גיי און ברענג מיר כאָטש 5 גילדן.

דער ייד גייט אַוועק און קומט צוריק אין א פּאָר שעה אַרום מיט 5 גילדן, וועלכע ער האָט געקריגן ערגעץ לייען.

דער פריץ נעמט צו די 5 גילדן, גיט אים אַרויס א קוויטונג, אַז ער האָט דערהאַלטן די דירה-געלט פאַר א האַלבן יאָר און גיט אים נאָך צו א צעטל צום „ליעסניטשי" אויף צו באַקומען אומזיסט 3 וועגן האָלץ אין זיין וואַלד.

אין א צווייטן פאַל, ווען אַן אַנדער ייד האָט ניט געקענט איינצאָלן די רעשט דירה-געלט, האָט אים דער פריץ באַפוילן פאָרן אין ווילנע און ברענגען פאַר אים פון דאָרט 3 לימענע קרינגעלעך. די פור אין ווילנע האָט געגעבן דער פריץ, און דער ייד האָט מיט די 3 לימענע קרינגעלעך ערלידיקט די רעשט-צאָלונג.

אין א דריטן פאַל, ווען אַן אלמנה, ווילנדיק באַקומען א הנחה אויף די דירה-געלט, האָט זיך באַקלאָגט פאַרן פריץ אויף איר אָרעמקייט און אָנגעוויזן אויף די צוריסענע שיך, וועלכע זי טראָגט, האָט דער פריץ, נאָכדעם ווי ער האָט דערהאַלטן פון איר די סומע, וועלכע ער האָט פאַר איר באַשטימט, אַרויסגעגעבן איר פון דעם געלט 2½ גילדן אויף צו פאַרריכטן די שיך.

דערציילנדיק מיר די געשיכטע, האָט דער אַלטער אָרעמער ייד מיט א קרעכץ צוגעגעבן: „האָט דאָס געלוינט די גאַנצע מעשה מיטן קויפן דעם שטעטל און אַרויסנעמען אויף זיך אַזעלכע שוועריקייטן? צי איז פריער ניט געווען בעסער, ווען איך בין געזעסן אין א דירה און פאַר איר כמעט גאָרניט געצאָלט."

דער אַלטער אָבער איז אין דעם פּרט א יחיד. דאָס גאַנצע שטעטל האָט וועגן דעם א פאַרקערטע מיינונג. בפרט נאָך, אַז דער פריץ האָט מיט קיינעם פון שטעטל זיך ניט מיישב געווען, צי פאַרקויפן אָדער ניט פאַרקויפן דאָס שטעטל.

שלום כהן

אויגוסט, 1928

נאָוואָגרודאָק

(די וואָיעוואָדישע שטאָט).

נאָוואָגרודאָק געהערט צו די עלטסטע שטעט פון פוילן; זי איז געגרינדעט געוואָרן אין XI-יאָרהונדערט (1044). נאָוואָגרודאָק איז נאָכדעם חרוב געוואָרן דורך די טאַטאַרן און ווערט ערשט איבערגעבויט דורך מענדאָגן, געדימין און וויטאָלד ביי וועמען די שטאָט וואַקסט: וויטאָלד האָט איבערגעבויט דעם שלאָס, פון וועלכן עס זיינען נאָך איצט אויך דאָ די רואינעס.



נאָוואָגרודאָק — דער שלאָס באַרג

איר גרעסטע אויפבלי האָט דערגרייכט נאָוואָגרודאָק אין XV און XVI יאָרהונדערט. אין 1511 באַקומט נאָוואָגרודאָק פון קייזער זיגמונט די מאַגדעבורגער רעכט. פון יאָר 1585 ביז 1775 איז נאָוואָגרודאָק דער זיץ-אָרט פון טריבונאַל-געריכט. פון יאָר 1775 הייבט אָן נאָוואָגרודאָק צו פאַלן.

אין דער צייט פון פאַר דער מלחמה, איז נאָוואָגרודאָק דערגאַנגען צו א צושטאַנד פון א קליינער „אויעזדנער" שטעטל, ניט האָבנדיק קיין באַן און אפילו קיין שאָסיי.

נאָוואָגרודאָק הייבט אָן ווידער אויפצולעבן, ווען די פּאָליאַקן פאַרנעמען די שטאָט אין יאָר 1920 און שאַפן דאָ דעם צענטער פון וואָיעוואָדשאַפט און געריכט, דאַנק וועלכע די שטאָט פראָספּערירט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער *).

די נאָוואָגרודקער, אָדער, ווי מען רופט דאָ, די נאַווערעדקער איינוואוינער קענען ווירקלעך ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם מאָמענט פון וואָיעוואָדסטווע, און ווען עס האָט זיך א מאָל אויפגעהויבן די פראַגע וועגן איבערטראָגן דעם זיץ-אָרט פון וואָיעוואָדסטווע אין אַן אַנדער שכנותדיקער שטאָט, אָדער וועגן איר איינגאַנצן סקאַסירן, האָבן זיי זיך מיט אַלע מיטלען באַמיט צו פאַרהאַלטן איר דאָ — און דאָס איז זיי טאַקע געלונגען: אין יאָר 1925, ווען אינערן-מיניסטער איז געווען ראַטשקעוויטש, איז די פראַגע וועגן אַריבערטראָגן דעם צענטער פון וואָיעוואָדסטווע געשטאַנען גאַנץ שאַרף. דאַנק אָבער די באַמיאונגען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און קלאַס, האָט זיך איינגעגעבן צו ווירקן, אַז די וואָיעוואָדסטווע זאָל בלייבן אין נאָוואָגרודאָק.

אייגנטלעך מאַכט נאָוואָגרודאָק נישט קיין שלעכטן איינדרוק.

עטלעכע קילאָמעטער נאָך איידער מען פאָרט צו צו נאָוואָגרודאָק, זעט מען שוין פון דערווייטנס די רויטע דעכער און קוימענס פון די העכערע בנינים. זומערצייט האָט די שטעטל פון דערווייטנס א פּרעכטיקן אויסזען: די גאַנצע שטעטל ליגט אויף א הויכן באַרג, וואָס פילט זיך אויס פון דער אַרומיקער געגנט, און איז איינגאַנצן אַזוי ווי פאַרטרונקען אין גרינס פון סעדער און בוימער. די געאָגראַפישע הייך, אויף וועלכער נאָוואָגרודאָק געפינט זיך, איז בכלל זייער א מערקווירדיקע: עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די באַן-סטאַנציע, נאָוואָיעלניאַ, וואָס איז ווייט פון נאָוואָגרודאָק 21 קילאָמעטער, ליגט נידעריקער פון נאָוואָגרודאָק אויף 188 מעטער (אין פאַרגלייך מיטן ים-שטח). דער לעצטער אומשטאַנד ווירקט אויך באַדייטנד אויף דעם קלימאַט פון נאָוואָגרודאָק: דער ווינטער איז דאָ שטענדיק מיט 1 ביז 2 גראַד קעלטער, ווי אין די שכנותדיקע געגנטן. דער ענין דאָסגלייכן ליגט באַדייטנד שפּעטער, אַפילו די שניי-צייט קומט דאָ אָן אויף עטלעכע קילאָמעטער אַרום מיט א וואָך — 10 טעג שפּעטער, ווי אין די ווייטערדיקע געגנטן *).

גלייך, ווי איר פאָרט אַריין אין נאָוואָגרודאָק, פאַלט איר אַרונטער דעם איינדרוק, אַז די קליינע שטעטל, וואָס גיט דעם נאָמען פאַר דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט, פילט זיך אויס פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך.

פונקט אין מיטן שטאָט געפינט זיך דער מאַרק-פּלאַץ, אַרום וועלכן ס'איז דער הויפּט-קאָנצענטיר-אָרט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אין מיטן מאַרק געפינט זיך זייער אַן אָריגינעלער און אַן אַלטער בנין פון די קראָמען מיט קאָלאָנאַדן אַרום, וועלכער דערמאָנט מיטוויליג די קראָקעווער „סוקיעניצע". פון מאַרק ציען זיך פאַנאַנדער די הויפּט-גאַסן פון שטאָט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. ווען איר גייט דורך די גאַסן, באַמערקט איר פונדאַמענטאַלע בנינים, וועלכע באַווייזן, אַז איר געפינט זיך אין אַן אַלטער שטאָט. עס זיינען דאָ נאָך געבליבן עטלעכע בנינים פון די אַמאָליקע „קלויסטערן", וועלכע נאָוואָגרודאָק האָט אַמאָל געציילט ביז 9. אַזוי זעט איר באַלד אויף קאַראַליטשער גאַס אַן אַלטן בנין — דאָס איז די געוועזענע קאָלעגיע פון יעזויטן אויפגעבויט אין יאָר 1626. איצט געפינט זיך דאָ דער מאַגיסטראַט און די רעגירונגס-גימנאַזיע. דער בנין, וואו עס געפינט זיך איצט דער אַמט פון וואָיעוואָדשאַפט, איז אַמאָל געווען א „קלויסטער" פון די „דאָמיניקאַנער". די אַנטשפּרעכנדע נעמען טראָגן נאָך ביז היינט די גאַסן און געסלעך, וואָס ליגן נאָענט צו די דערמאָנטע בנינים: דאָמיניקאַנער געסל, באַזיליאַנער גאַס, אוניצקע געסל. עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען וועגן דעם מענדאָגס-באַרג, וואו לויט דער לעגענדע איז באַגראָבן

נאָוואָגרודאָק — דער שלאָס-באַרג

---

*) די דייטשן אין דער צייט פון אָקופּאַציע האָבן אויסגעבויט אין נאָוואָגרודאָק אַן עלעקטרישע סטאַנציע און א קליינבאַן.

---

*) ווייטער אינטערעסאַנט איז דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף דעם געזונט און עלטער פון די נאָוואָגרודקער יידן. הגם דאָס וואַסער פון נאָוואָגרודאָק און אין אַלגעמיינעם דער קלימאַט — ווי עס ערקלערן אייניקע דאָקטוירים — איז ניט קיין געזונטער, דאָך באַמערקט זיך אַן ערשיינונג, אַז דאָ דערלעבן די יידן ביז א שיינעם עלטער. א ייד פון 70 יאָר רעכנט זיך דאָ נאָך פאַר א מענטשן פון די מיטעלע יאָרן. אין מושב זקנים איז געשטאָרבן א ייד פון 108 יאָר. אַליין זאָגט ער, אַז אים גייט דער 8-טער יאָר (די הונדערט רעכנט ער ניט). דאָס איז אפשר צו דערקלערן מיטן רואיקן [illegible] לעבן אין נאָוואָגרודאָק.

געווארן מערבאג א זיבעריקער אויף א געלערנטע שטל. דער בארג איז זייער פארלאזן, אויף אים געפינט זיך איצט אן אלטער קריסטלעכער „צמענטאר“. מען דארף אין אלגעמיין באמערקן, אז אין הינזיכט פון רעקאנסטרואירן די אלטערטימלעכקייטן איז אין נאוואגרודאק זייער ווייניק אויפגעטאן געווארן. עס איז פארלאזן דער שלאס-בארג מיט די רואינעס: די ארבעט, וועלכע מען האט אנגעהויבן צוליב זיין רעקאנסטרואירונג, איז איצט אפגעשטעלט. אויך זיינען ניטא קיינע אויסערלעכע סמנים, וועלכע זאלן באווייזן, אז דא איז געבארן און ערצויגן געווארן מיצקעוויטש.



נאוואגרודאק – אַלגעמיינער בליק אויף דער שטאט

זיין געוועזענע הויז געפינט זיך אין פריוואטע הענט, און עס פעלן אפילו די געהעריקע אויסשריפטן, אז דא האט פארבראכט זיינע יוגנט-יארן און זיך געלערנט דער גרעסטער פוילישער דיכטער.

די לעצטע יארן, דאנק די באמיאונגען פון וואיעוואדע באטשקאוויטש, איז נאוואגרודאק געבראכט געווארן מער אין ארדענונג און באקומט א מער אייראפעאישן אויסזען: עס זיינען אומעטום געלייגט געווארן צעמענטענע טראטוארן, עס איז אויסגעבויט געווארן א נייע „עלעקטראווניע“, עס בויט זיך א טעאטער, און נאך פיל מלוכה- און פריוואטע בנינים.

נאוואגרודאק אבער וועט זיך ניט קענען אנטוויקלען, כל-זמן זי וועט ניט האבן קיין באן. עס קען זיך ניט אנטוויקלען קיין שום נארמאלער האנדל, קיין שום אינדוסטריע אן א באן. אמת, די קאמוניקאציע מיט דער באן-סטאנציע, נאוועלניע, איז דורך אויטאס און קליינבאן א גאנץ גוטע, אבער קיין באן קען דאס דאך ניט פארבייטן.

יידן וואוינען אין נאוואגרודאק שוין זייער לאנג. די יידישע קהלה אין נאוואגרודאק איז איינע פון די עלטסטע, און יידן ווערן שוין דערמאנט אין א דאקומענט פון יאר 1484 און 1529 *).

פון יידישע אלטערטימלעכקייטן איז פארבליבן אין נאוואגרודאק די גרויסע שול, וועלכע איז געבויט געווארן מיט אן ערך 400—500 יאר צוריק.

דאס יידישע נאוואגרודאק שפילט נאך א גרויסע ראלע אין XVIII און XIX יארהונדערט. פיל פון די רבנים, וועלכע זיינען געווען אין נאוואגרודאק, האבן געהאט א וועלט-נאמען: ר' זודל, ר' אלעקסאנדער זיסקינד (ר' זיסעלע), ר' יצחק אלחנן, ר' ברוך-מרדכי ליפשיץ, ר' יחיאל מיכאל עפשטיין.

פון די באלעבאטישע פאמיליעס, וועלכע האבן אמאל געשפילט א גרויסע ראלע, זיינען געווען די פאמיליעס קאבאק און הארקאווי. איינער נאכען פון דעם לעצטן איז נאך ביי היינטיקן טאג דא א קלויז, וועלכע הייסט „הארקאוויס קלויז“*).

איצט איז נאוואגרודאק א קליין שטעטל, וועלכע איז ווייט אפגעשטאנען פון די ארומיקע יידישע שטעט. און נאר דער גרויסער איבערגעבליבענער פארמעגן, וועלכער געהערט פארשיידענע געזעלשאפטן און אינסטיטוציעס און וועלכער איז נאך ביז היינטיקן טאג דער צייכן פון עקסיסטענץ פון די געזעלשאפטן, דערמאנט וועגן דער אמאליקער גרויסקייט פון נאוואגרודאק. און די טראדיציע — קלערן וועגן קהלשע זאכן — און אפשרייבן פאר קהלשע אינסטיטוציעס אומבאוועגלעכע גיטער — קראמען, הייזער — איז נאך איצט זייער שטארק אין נאוואגרודאק. און איך רעכן, אז אין דער הינזיכט פארנעמט נאוואגרודאק דעם ערשטן ארט.

די באפעלקערונג פון נאוואגרודאק באשטייט פון **פאליאקן**, **ווייסרוסן**, **יידן** און **טאטארן**. די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז שווער פעסטצושטעלן, ווייל זי האט זיך לעצטנס שטארק געהויבן. אין אלגעמיין דארף מען רעכענען די אלגעמיינע צאל פון 8.000 ביז 9.000. אין דעם 4.000 נפשות אדער 800 פאמיליעס יידישע, ד. ה. ביז 50 פראצ.

[ריידנדיק וועגן נאוואגרודקער יידן, וועט זיין ניט איבעריק צו דערמאנען וועגן יידן אין נאוואגרודקער געגנט — איך מיין די „ישובניקעס“: אין דער צייט פון פאר דער מלחמה איז נאוואגרודקער געגנט געווען זייער רייך אין יידישע ישובים. כמעט אין יעדן דארף פלעגט זיך געפינען איינע ביז עטלעכע פאמיליעס. זייער באשעפטיקונג איז געווען פארשידן: א גאנץ גרויסער טייל האט געפאכטעט (ארענדירט) ביי פריצים מילן און אויך גיטער — דאס זיינען דאס רוב געווען רייכע „ישובניקעס“; א טייל פלעגן „האלטן פאכטן“ ד. ה. — אויסארבעטונג פון „האלענדער“- און „שווייצער“-קעז. א גרויסער טייל פון זיי פלעגן האלטן קליינע קרעמלעך און גלייכצייטיק פארנעמען זיך מיט ערד-ארבעט אויף ערד, וואס זיי פלעגן פאכטן פון זייערע קריסטלעכע שכנים. אין דער צייט פון מלחמה און אויך שפעטער איז דער גרעסטער טייל פון די נאוואגרודקער „ישובניקעס“, צוליב דעם געשאפענעם פאר זיי עקאנאמישן קריזיס אין דארף, צופארן אין די ארומיקע שטעטלעך. די ישובניקעס, וואס זיינען געבליבן אין דארף, זיינען דאס רוב פאכטער אדער באזיצער פון מילן און זיינען גאנץ פארמעגלעך. זיי שיקן זייערע קינדער לערנען אין די שטאטישע שולן.]

עקאנאמיש איז נאוואגרודאק פון דער מלחמה ניט שטארק רואינירט געווארן. דא זיינען ניטא קיין גרויסע גבירים, איבערהויפט אויסגעקומענע,



נאוואגרודאק – די גרויסע שול

ווי איר קענט טרעפן אין די ארומיקע שטעט (בארנאוויטש, סלאנים, לידע). אבער קיין באזונדערע ארעמקייט איז דא אויך ניטא. פאר דער מלחמה האט די יידישע באפעלקערונג אין נאוואגרודאק געלעבט פון האנדל, איבערהויפט מיט די פריצים. איצט האט זיך די לאגע געביטן. 2 מאל אין וואך קומען פאר מערק — און דער קאנסומענט — דער פויער בילדעט דעם הויפט-קונה. א גרויסע

---

*) ז. „נאוואגרודעק“ פון אלכסנדר הארקאווי, ניו-יארק 1921, זייט 14 און די „יודיש. ענצ.“ באנד XI, ז. 757.

*) פון נאוואגרודאק שטאמען פיל באוואוסטע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי: ד"ר פראפ. א. א. הארקאווי, אלכסנדר הארקאווי, דבורה ראם, נתן צבי גערצאוו א. א., און פון די יינגערע — דער קינסטלער מ. לייבאוויטש א. א.

ראַליע שפּילט דאָ אויך די וואָיעוואָדסטווע און דער קרייז געריכט. פֿון ניט ריידנדיק וועגן דעם, אַז פֿאַר אַזאַ קליין שטעטל האָט אַ גרויסע ווירקונג דער שטאַרקער צוזלוף פֿון פּראָווינצן, וועלכע קומען צוליב פֿאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן אין נאַוואַגרודאַק אַלס זיץ-אָרט פֿון וואָיעוואָדסטווע, פֿאַרנעמט אויך אַ וויכטיקן אָרט דער פֿאַקט, וואָס די אָנגעשטעלטע-באַאַמטע לאָזן איבער זייער גאַנצן געהאַלט אין נאַוואַגרודאַק. דער 1-טער פֿון יעדן מאָנאַט, ווען די באַאַמטע באַקומען געלט, האָט אַ גרויסע ווירקונג אין לעבן פֿון נאַוואַגרודאַק — די קרעמער און בעלי-מלאכות זיינען פֿאַרנומען ביז שפּעט נאַכט אין די טעג. נאָך דעם 1-טן מאַכט מען אונטערנעמונגען און מען קלייבט ראַבאַט.

קיין אינדוסטריע האָט ניט נאַוואַגרודאַק. ס׳זיינען נאָר דאָ 2 פֿאַבריקן פֿון צעמענטענע אויסאַרבעטונגען (איינע געהערט צום „פּינסק"), אַ מיל און אַ קליין-פֿאַבריק פֿון זייף. ציגעל, וואָס עס פֿאָדערט זיך דאָ איצט זייער פֿיל, ווערט אויך געבראַכט פֿון אַנדערע שטעט. די ערשיינונג, וואָס די אינדוסטריע איז דאָ זייער ווייניק אַנטוויקלט, ערקלערט זיך טיילווייז מיט דעם, וואָס נאַוואַגרודאַק האָט ניט קיין באַן און ניט קיין טייך. קיין אונטערנעמונגען פֿון האָלץ-אינדוסטריע פֿאַרמאָגט נאַוואַגרודאַק נאָר ניט צוליב דער אויבנאַנגערופֿענער סיבה, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס נאַוואַגרודקער געגנט איז גאַנץ רייך אין וועלדער.

דער גרעסטער טייל פֿון נאַוואַגרודקער באַפֿעלקערונג פֿאַרנעמט זיך מיט קרעמעריי און מסחר: פֿון 30—40 סוחרים און ביז 270 קליינהענדלער. דאָ איז אַנטוויקלט דער מסחר פֿון תבואה, וועלכער ווערט דאָ געפֿירט אויף פֿאָלגנדן אופֿן: דער גרויסער תבואה-סוחר („אויף וואַגאָנעס" — אַזוינע זיינען דאָ נאָר עטלעכע) גיט יעדן מאַרק-טאָג געלט פֿאַרשיידענע קלענערע הענדלער, און יענע קויפֿן אויף אַ גאַנצן טאָג פֿאַר זייגע געלט ביי די פּויערים פֿאַרשיידענע מינים תבואה, און אין אָוונט אָדער אין אַ פּאָר טעג אַרום גיבן זיי איבער די תבואה דעם סוחר, וועלכער שטעלט זיי פֿאַראויס אַ מקח, וואָס ער וועט זיי צאָלן. געוויינלעך שטעלן שוין די קליינע הענדלער אין מאַרק אַ קלענערן מקח פֿאַר די תבואה, וואָס זיי קויפֿן, כדי זיי זאָלן קענען פֿאַרדינען.

ייִדישע האַנטווערקער זיינען דאָ אין נאַוואַגרודאַק ביז 250—300, ערד-אַרבעטער אַרום 40—50 און 1 ייִד. פּאָליציאַנט.



נ א וו א ג ר ו ד א ק — מיצקעוויטש-הויז

די אַזיערע סוויטעזש צווישן נאַוואַגרודאַק און האַראַדישטש (באַזונגען דורך מיצקעוויטש)

צווישן די האַנטווערקער פֿאַרנעמען דעם ערשטן אָרט: שוסטער, שניידער, סטאָליאַרעס, בעקער*).

אַ גרויסע ווירקונג אין עקאָנאָמישן לעבן פֿון די נאַוואַגרודקער ייִדן שפּילן די 2 ייִדישע בענק: די האַנטווערקער- און קליינהענדלער-באַנק און די סוחרים-באַנק. דערהויפּט איז גרויס די באַדייטונג פֿון דער האַנטווערקער- און קליינהענדלער-באַנק, וועלכע עקזיסטירט פֿון יאָר 1922 און ציילט ביז 540 מיטגלידער.

עס איז געווען אַ פּרוּוו פֿון געוויסע פּוילישע גרופּירונגען צו שאַפֿן ספּעציעלע בענק און געשעפֿטן, כּדי אויסצומיידן די ייִדן, אָבער עס האָט זיך ניט איינגעגעבן.

אין קולטורעלער הינזיכט שטעלט מיט זיך ניט פֿאָר נאַוואַגרודאַק קיין באַזונדער אינטערעסאַנטעס. דאָס אַלטע נאַוואַגרודאַק לעבט אין בית-מדרש, וואו יעדן אָוונט קלייבן זיך צונויף חברות — 2 חברות ש״ס, משניות, עין-יעקב — און מען לערנט. עס עקזיסטירט אויסער דעם אַ ישיבה אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הרב אָגאַוויטש, אָבער קיין באַזונדערס גרויסן אָרט פֿאַרנעמט זי ניט. לעצטנס זיינען דאָ פּרוּוון אויפֿצושטעלן די אַמאָליקע ישיבה פֿון באַוואוסטן ר׳ אייזיק-יצחק (יוזל), וועמענס נאָמען עס טראָגן פֿיל ישיבות אין פּוילן. דעם גרויסן געמויערטן בנין פֿון דער אַמאָליקער ישיבה פֿאַרנעמט איצט די פּאָליציישע שולע.

שוואַך אַנטוויקלט איז די תלמוד-תורה. דער פּרוּוו צו שאַפֿן אַ מאָדערנע תלמוד-תורה — „בית-הספר" — דורך די היגע „מזרחי" האָט זיך ניט איינגעגעבן.

די מאָדערנע שטרעבונגען זיינען רעפּרעזענטירט דורך די העבּרעאיסטן און ייִדישיסטן. די ערשטע האַלטן אויס אַ 7-קלאַסיקע תרבות-שול מיט אַ גן-ילדים. די צאָל שילער דערגרייכט ביז 150 אין שול און 30 אין גן. גרעסטנטיילס קינדער פֿון מיטעלן קלאַס. די מער פֿאַרמעגלעכע און דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ גיבן אָפּ זייערע קינדער אין די פּוילישע רעגירונגס-גימנאַזיעס, ווײַל אַב-אורחא מען נעמט אָן ייִדן אָן באַזונדערע באַגרענעצונגען און שוועריקייטן: אַזוי איז פֿאַראַן פֿון דער אַלגעמיינער צאָל שילער 510 ביז 110—115 ייִדישע. אַ טייל ייִדן שיקן אויך זייערע קינדער אין דער פּוילישער „פּאָווסעכנאַ" (פֿאָלקסשול)*).

די אָרטיקע אָפּטיילונג פֿון יס״אַ איז ניט טעטיק. עס איז געווען אַ פּרוּוו צו שאַפֿן אַ שול, אין יאָר האָט עקזיסטירט אַ קינדער-גאָרטן — אָבער ווייטער איז דאָס ניט געגאַנגען. די אָנהענגער פֿון ייִדישער וועלטלעכער קולטור גרופּירן זיך אַרום דער ביבליאָטעק. עס עקזיסטירט אויך אַ באַזונדערע ביבליאָטעק ביים פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין.

אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקייט פֿאַרדינט אין נאַוואַגרודאַק דער געזעלשאַפֿטלעכער מאָמענט. צוליב זיין אייגנאַרטיקייט: ווען אַ פֿרעמדער מענטש קומט אין נאַוואַגרודאַק, ווערט ער פֿאַרוואונדערט, געפֿינענדיק אין אַזאַ פֿאַרהעלטנישמעסיק קליינער שטעטל אַזאַ גרויסע צאָל אַנשטאַלטן. דאָ געפֿינט איר, חוץ די פֿון אויבנאָנגערופֿענע קאָאָפּעראַטיווע פֿאָלקסבאַנק און שולן, אַ ייִדישן שפּיטאָל — „הקדש", מושב-זקנים, יתומים-הויז, „סומכי-מלאכה" (וועלכע עקזיסטירט מער ווי 50 יאָר און האָט אויפֿגעהאַלטן דורות האַנטווערקער). די אַלע אינסטיטוציעס באַדינען הויפּטזעכלעך די אָרעמע

---

*) פֿון די איבעריקע באַשעפֿטיקונגען איז כּדאַי צו דערמאָנען: פֿאַבריקעריי — איבערהויפּט אויסאַרבעטונג פֿון קוו, מילנעריי; דער אַמאָליקער מסחר מיט מצה איז פֿאַרשוואונדן.

*) אין די ווײַסרוסישע גימנאַזיעס שיקן איצט ייִדן ניט זייערע קינדער.

שטעטלעך און די ייִדישע ישובים אין די דערפֿער. אויסער דעם עקסיסטירט דאָ „טאַז", אַ „גמילות-חסד", ביבליאָטעק, פּדיון שבויים, הכנסת אורחים *).

נאָך מער וואונדערט מען זיך, ווען מען דערוויסט זיך וועגן אומבאַוועגלעכע גיטער עס פאַרמאָגן די אינסטיטוציעס. אַזוי למשל דער הקדש-שפּיטאָל האָט אַ פאַרמעגן פון צענדליקער גע-טייערטע קראָמען, מויערן אין נאָוואָגרודאָק און [illegible] אין ווילנע. דאָס איז אַלץ אין משך פון לאַנגע דורות אָנגעקליבן געוואָרן. ווי איך האָב באַמערקט לעבט די טראַדיציע נאָך זייער שטאַרק אין נאָוואָגרודאָק. אויך איצט באַמיט זיך יעדערער צו לאָזן אַ זכר נאָך זיך, אָפּשרייבנדיק פאַר קהל — דער אָדער יענער אינסטיטוציע — אַ שטוב, אַ טייל שטוב, פּלאַץ אָדער אַ קראָם.

דאָ איז פאַראַן 1 גרויסע אַלטע שול; בית-המדרש און 13 קלויזן.

אָבער די מאָדערנע פאָרמען פון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זיינען נאָך ווייניק אַריינגעדרונגען אין נאָוואָגרודאָק. שוואַך איז דאָ אויך דער פּאַרטיי-לעבן.

דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער לעבן קאָנצענטרירט זיך נאָר אין די אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטן, וואו עס קומט אויך פאַר גאַנץ אָפט אַ ליידנשאַפטלעכער קאַמף צווישן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס פאַר די ווירקונג.

אַ גרויסע ראָלע שפּילן דאָ די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס: האַנטווערקער-פאַראיין, סוחרים-פאַראיין. דער לעצטנס געגרינדעטער קליינהענדלער-פאַראיין איז נאָך גאַנץ שוואַך. זייער שטאַרק דיסציפּלינירט זיינען די האַנטווערקער, אָבער צום באַדויערן אינטערעסירן זיי זיך נאָר מיט זייערע גאַנץ באַגרענעצטע פראַגן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו זייער פאַך, ווי רעגיסטראַציע, פּאַטענטן א. אַ. וו. לעצטנס האָט זיך פון זיי אָפּגעטיילט אַ קליינע גרופּע, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן „אומפּאַרטייאישע האַנטווערקער". אַקטיוו אַרבעטן אַרויס די האַנטווערקער נאָר אין דער צייט פון וואַלן.

אָבער איבער אַלץ האָט געשוועבט די לעצטע יאָרן אין נאָוואָגרודאָק די רבנים-פראַגע, וועלכע האָט אַרויסגערופן זייער פיל מחלוקת און פאַרכאַפּט פיל בייז בלוט.

דער נאָוואָגרודקער כסא-הרבנות האָט באַהערט צו די וויכטיקסטע אין דעם געוועזענעם רוסלאַנד. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז צווישן די רבנים פון נאָוואָגרודאָק — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — זיינען געווען: ר' דוד בר' משה („ר' דודל" — 1794—1837) ר' אַלעקסאַנדער זיסקינד, ר' יצחק אלחנן, ר' ברוך-מרדכי ליפשיץ, ר' יחיאל-מיכאל הלוי עפּשטיין. דער לעצטער האָט מיט זיך געשלאָסן די רבנות פון נאָוואָגרודאָק פון XIX יאָרהונדערט. ער איז געשטאָרבן אין תרס"ח (1908) **).

אַ לענגערע צייט איז דער כסא הרבנות אין נאָוואָגרודאָק ניט געווען באַזעצט און אויף דעם גרונט האָבן זיך [illegible] זייער שטאַרקע מחלוקות. עס פעלט פון דער געהעריקער אויטאָריטעט. עס פירט זיך אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון נאָוואָגרודקער ישיבה (אָנהענגער פון ראש-הישיבה ר' יוזל-מוסרניקעס) און די קעגנער. עס איז באַוואוסט די געשיכטע, ווען דער „סאַווריקער" ז"ל האָט געמוזט פאַרלאָזן — אַנטלויפן פון נאָוואָגרודאָק צוליב די פאַרפאָלגונגען פון די אָנהענגער פון דער ישיבה.

אין יאָר 1912 ווערט רב אין נאָוואָגרודאָק הרב קראַקאָווסקי (דער איצטיקער ווילנער שטאָט-מגיד).

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן זיך צונויפגעקליבן און פאַרבליבן אין נאָוואָגרודאָק פיל רבנים פון די אַרומיקע שטעטלעך, צווישן זיי געפינט זיך אויך דער רב פון לובטש הרב מאיר אַבאָוויטש. אין יאָר 1918 פאָרט אַרויס הרב קראַקאָווסקי אין ווילנע. אין יאָר 1919 קומען פאָר וואַלן צו דער קהילה, הרב אַבאָוויטש ווערט אויסגעקליבן אַלס וויצע-פאָרזיצער פון קהילה, און אַלס אַן ענערגישער טוער נעמט ער דעם גרעסטן אָנטייל אין דער גאַנצער אַרבעט פון קהילה. אויף דעם באָדן הויבן זיך אָן רייבונגען — אַ טייל שטאָט וואָלט געוואָלט אויף דעם פּאָסטן פון רב זען הרב מאיר אַבאָוויטשן. עס ווערט אָבער צוזאַמענגעשטעלט אין שטאָט, דורך נאָוואַרעקער ייִדן, אַ כתב און עס ווערט איינגעלאַדן אין יאָר 1922 אין נאָוואָגרודאָק אַלס רב הרב מאיר מאיראָוויטש, וועלכער איז ביז דאַן געווען רב אין כוויענציאַן.

דערווייל ענדיקט זיך די „גאָלדענע עפּאָכע" פון די אַמעריקאַנער געלט; די קהילה הייבט זיך אָן פינאַנצירן, עס שאַפט זיך אַ געזעלשאַפטלעכע רעאַקציע. און דער גאַנצער אינטערעס פון שטאָט קאָנצענטרירט זיך אַרום דער רבנים-פראַגע. עס בילדן זיך אויס צוויי צדדים: אַ צד פון הרב מאיראָוויטש און אַ צד פון הרב אַבאָוויטש, וועלכע ווילן מיט אַלע מעגלעכקייטן באַקעמפן איינע די צווייטע. עס ווערן אַריינגעטראָגן די רבנים-פראַגע אין אַזעלכע זאַכן, וועלכע האָבן גאָר קיין שייכות ניט געהאַט צו די רבנים. דער אָפיציעלער רב פון שטאָט ווערט הרב מאיראָוויטש, אים האָבן געשטיצט די האַנטווערקער און אַ גרויסער טייל פון די בעלי-בתים פון שטאָט. הרב אַבאָוויטש האָט געהאַט זיינע אָנהענגער איבערהויפּט צווישן די איינוווינער פון שלאָס-גאַס, קאָרעליטשער גאַס, [illegible] גאַס, און „שטרענגע אָרטאָדאָקסן און חסידים". די שחיטה איז געווען אונטערגעוואָרפן הרב מאיראָוויטשן, נאָר עס איז געווען אַ שוחט, וועלכן עס האָבן אויסגעשריבן און געשטיצט די אָנהענגער פון הרב אַבאָוויטש — ער פלעגט קוילענען נאָר עופות. דעם רב מאיראָוויטש האָט מען גערופן „שטאָטישער" אָדער „כוויענציאַנער", דעם רב אַבאָוויטש — „ליובטשער רב".

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט פאַרקלערט, וועלכע סיבות ליגן אין דער ערשיינונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ פאַרביטערונג און האָט פאַרקאָסט אַזוי ווייניק כבוד ווי די רבנים, אַזוי אויך דער ייִדישער באַפעלקערונג פון נאָוואָגרודאָק.

אייניקע האָבן זיך באַמיט אָנצווייזן, אַז דאָ קומט פאָר אַ קאַמף צווישן „רעאַקציע" און „פּראָגרעס". אין דער ווירקלעכקייט האָבן ביידע רבנים געהערט צו „מזרחי". עס איז שווער צו זאָגן, אַז דער אָדער יענער רב איז געווען אַ קעמפער פאַר „פּראָגרעסיווע אידעען".

עס איז אויך שווער צו זאָגן, אַז דער אָדער יענער רב האָט רעפּרעזענטירט באַזונדערע סאָציאַלע גרופּירונגען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. אמת, די האַנטווערקער האָבן מער געשטיצט דעם רב מאיראָוויטש, אָבער אים האָבן אויך געשטיצט פיל אָנגעזעענע בעלי-בתים. עס קומט אויך אַלזאָ צו זוכן די סיבה ערגעץ אַנדערש. און לויט מיין מיינונג קען מען דאָס טיילווייז ערקלערן מיט פאָלגנדעס:

אין נאָוואָגרודאָק האָבן אין XIX יאָרהונדערט געשפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָלע בכבודיקע פאַמיליעס. דאָס זיינען געווען גבירים, משכילים, וועלכע האָבן זיך שטאַרק פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אַ לעבעדיקע אָנדענקונג פון זייער טעטיקייט, ווי איך האָב שוין באַמערקט, בילדן די פיל בנינים און אומבאַוועגלעכע גיטער, וועלכע געהערן צו פאַרשיידענע אַנשטאַלטן. שוין פאַר דער מלחמה הויבט אָן צו פאַרשווינדן דער טיפּ און אין די מלחמה-יאָרן פאַרשווינדט ער אינגאַנצן. עס הויבן זיך אָן צו באַווייזן גרופּירונגען (סוחרים, האַנטווערקער) מיט נייע פּערזאָנען — און עס הייבט זיך אָן דער קאַמף פאַר דער מאַכט אויף דער ייִדישער גאַס. צום אָנהויב דריקט זיך דאָס אויס — אין די יאָרן 1915—1921 — אין קאַמף אַרום געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — איבערהויפּט, ווען עס באַקומט זיך די אַמעריקאַנער געלט. נאָכדעם, ווי די קהילה ביים אַרונטער אויף דעם הינטערגרונט — געפינט דער קאַמף זיין אויסדרוק אין די צדדים-פראַגע. יעדער צד וויל פאַרכאַפּן וואָס מער אָנשטעלן און באַקומען וואָס מער ווירקונג. יעדער צד, פּערזאָנען ווילן אויסנוצן זייער „רב". עס פאַרגעסן זיך פּרינציפּן וועגן פּאַרטיי-ליניעס (ציונים), ווען עס גייט וועגן אַ „צד".

אַכטמאָל האָט דאָ דער קאַמף אָנגענומען ניט קיין דערלאָזבאַרע פאָרמען. דער קאַמף שאַפט אָנהענגער און קעגנער. נאָוואָגרודקער פלעגן זיך פאַרענטפערן, אַז נאָר די „רבנים"-פראַגע האָט אַריינגעטראָגן אַזאַ פאַרביטערונג אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען.

אַלגעמיין האָט די הערשנדע שפּאַלטונג געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק. אַנשטאָט אַ פּרינציפּיעלן קאַמף, אָנשטאָט צו באַקעמפן דעם אָדער יענעם געדאַנק, איז די גאַנצע פראַגע קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום די „צדדים". און זייער אָפט האָט זיך געדוכט, אַז דאָ איז עפּעס אַנדערש און מען מיינט ניט די רבנים. עס איז געווען גענוג, אַז אָנהענגער פון איין צד זאָלן מאַכן אַ פאָרשלאָג, כדי דער אַנדערער צד זאָל אים מיט אַלע מעגלעכקייטן באַקעמפן *).

אַזאַ לאַגע איז געווען ביז די וואַלן צו דער קהילה, וועלכע זיינען פאָרגעקומען דעם 24-טן יוני 1928 יאָר. אין עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן דער געדאַנק, אַז עס דאַרף נעמען אַ סוף צו דעם מצב, וועלכער איז געוואָרן באמת אומדערטרעגלעך — וואָס האָט באַטריבן דערצו: מעגלעך, אַז ביידע צדדים זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרן פון פרוכטלאָזן קאַמף, קיין סוף פון וועלכן מען האָט ניט געקענט פאָראויסזען. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ מורא פאַר די רעזולטאַטן פון די וואַלן: „פאָרט געהיימע וואַלן". די שטימונגען האָבן זיך די לעצטע יאָרן אַ וואַקל געטאָן. אויסערדעם האָט געהאַלטן ביי געשאַפן ווערן אַ פאָרמעלע קהילה — און דאָ האָט געקענט פאָרקומען אַ קאַמף, פאַר וועלכן ביידע צדדים האָבן געהאַט מורא. ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז פאַר די וואַלן פאָרגעקומען אַ באַראַטונג, וואו עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די כללים פון פאַראייניקונג.

נאָך אַ לאַנגן דינגען זיך פון די פאַרשטייער

---

*) זייער אינטערעסאַנט איז די חברה קדישא: זי באַשטייט איינגענטלעך פון 3 חברות: 1) גבאים, 2) חברה מתעסקים (וועלכע פאַרנעמען זיך מיט די מתים) און 3) חברה טרעגער. די לעצטע האָבן אַ באַזונדערע שול.

**) ז. „נאָוואַרעדאָק" פון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, ניו-יאָרק 1921 ז' 25—31.

*) ביי די נאָוואָגרודקער איז דאָס געוואָרן אַ חולאת — אַ מאַניע, אַ פּסיכאָז: אומעטום צו זען נאָר אַ צד, און מיט קיין זאַך האָט מען זיי ניט געקענט אָפּשרעקן — נאָר מיט אַ „צד".

פון די צדדים איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן באַזונדערער אַקט *).

פּראָטאָקאָל פון דער געמיינזאַמער זיצונג פון ביידע צדדים וועגן ענין הרבנות אין נאָוואָגרודאָק.

אַנוועזנד באַפולמעכטיקטע פון הרב מאיראָוויטש — ה"ה בנימין־חיים גאַרדאָן, גרשון וויסקינד, ברוך פּיקעלני און יעקב לובטשאַנסקי. באַפולמעכטיקטע פון הרב אַבאָוויטש — ה"ה אהרן אַבראַמאָוויטש, יעקב אייזיקאָוויטש, רפאל קאַמעניעצקי און מאיר אײַבער.

עס ווערט געוויילט אַלס פאָרזיצער ה' יעקב לובטשאַנסקי, וועלכער נעמט אויף פון ביידע צדדים זייערע שריפטלעכע באַפולמעכטיקונגען און לייענט פאָר די צדדים צוזאַמען זאַכלעך זייערע פאָדערונגען און ווינטשן, באַריקזיכטיקנדיק, אַז די הויפּט־שטרעבונג דאַרף זיין די גאַנצקייט און פרידן פון שטאָט.

החלטות.

1. נאָכן דיסקוטירן אַלע אָנגעוויזענע פראַגן זאָגן אַלע אַרויס זייער באַדויערונג אויף דער געשאַפענער לאַגע, וואָס נאָוואַרעדאָק האָט זיך צעטיילט און צעריסן צוליב די שאלת הרבנות, און עס איז אָנגענומען געוואָרן פה־אחד, אַז אין נאָוואַרעדאָק טאָר און דאַרף מער ניט זיין, ווי איין רב, אַזוי, ווי ס'איז געווען איינגעפירט ביז איצטער דור. אָבער נעמענדיק אין אַכט די געשאַפענע לאַגע, און שטרעבנדיק צו פאַראייניקן אַלע טיילן פון שטאָט אין איין גאַנצע — ווערט באַשלאָסן — אַז אין פאַל פון באַפרייאונג דורך קיינעם ניט איז פון די רבנים זיין נאָכפאָלגער־אָרט זאָל מער ניט פאַרבלייבן אַלס רב נאָר דער איינער, וועלכער וועט פאַרבלייבן, און דאָס זאָל זיינען אַלס חוק ולא יעבור פאַר אַלעמען. אָבער לעת־עתה זאָלן דורך דער קהילה איינגעהאַלטן ווערן ביידע רבנים — הרב מאיראָוויטש און הרב אַבאָוויטש.

2. הרב מאיראָוויטש ווערט אָנערקענט אַלס רב ראשי ורשמי און זיין אונטערשריפט זאָל זיין אַב בית־דין, און הרב אַבאָוויטש זאָל זיך אונטערשרייבן רב בנאָוואַרעדאָק.

3. די נייגעוויילטע קהילה, אויסער אירע אַלע תקנות בעניני הרבנות כמו שכירות און אַנדערע תיקונים, איז מחויב צו שאַפן אַ בית־דין־שטוב, וועלכע זאָל זיין באַקוועם פאַר ביידע רבנים. פאָרלויפיק, ביז דער קאָנסטרואירונג פון דער נייער קהילה דאַרף הרב אַבאָוויטש אָנטיילנעמען אין ענינים כלליים און וויכטיקע דיני־תורה, צו וועלכע ער וועט גערופן ווערן פון פאָרקומען אין דיסוויליקן לאָקאַל פון קהילה.

4. אַלע איבעריקע פראַגן זאָלן ערלעדיקט ווערן דורך דער קהילה מיט דער הילף און אַרנעם פון ביידע רבנים.

5. פון די אַלע ביז־איצט אָנגענומענע ליסטעס צו דער קהילה דאַרפן זיך צוזאַמענבלאָקירן לויט דעם וואונטש און מיטווירקונג פון ביידע געוועזענע צדדים און רבנים צו ווירקן צו אַ פרוכטבאַרע, געמיינזאַמע אַרבעט לטובת די פאָדערונגען פון די טראַדיציאָנעלע, נאַציאָנאַלע יידישע געמיינדע אין נאָוואַרעדאָק".

אונטערגעשריבן:

יעקב לובטשאַנסקי, יעקב אייזיקאָוויטש, ברוך פּיקעלני, אהרן אַבראַמאָוויטש, מאיר אײַבער, רפאל קאַמעניעצקי, בנימין־חיים גאַרדאָן.

נאָכדעם איז פאָרגעקומען אַ פייערונג אין לאָקאַל פון קהילה, ווו צום ערשטן מאָל האָבן זיך באַגעגנט ביידע רבנים—מאיראָוויטש און אַבאָוויטש.

זייער כאַראַקטעריסטיש זיינען די איינלאַדונגען אויף דער פייערונג, וועלכע זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן:

ח. ה.

דערמיט ווערט איר געבעטן צו קומען היינט דעם 20 VI 9 אזייגער
אין אָוונט. אין לאָקאַל פון קהילה. ווו ס'וועט פאָרקומען

די פייערלעכע

פּראָקלאַמירונג פון שלום אין שטאָט

אין נאָמען פון פאַראייניקטן קאָמיטעט
פאָרזיצער (—) י. לובטשאַנסקי

נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך *) האָבן איניקע ליסטעס, וועלכע זיינען דערלאַנגט געוואָרן, זיך פאַראייניקט: 1) אחדות (אָנהענגער פון הרב אַבאָוויטש), 2) הברא קדישא (אָנהענגער פון הרב מאיראָוויטש), 3) ציונים, 4) האַנטווערקער און 5) סוחרים.

„אחדות" האָט צוזאַמענגעקליבן 125 שטימען און דורכגעפירט 2: א. קאַמעניעצקי און מ. פּיטאַנאָוויטש; „חברה קדישא" — 115 און אויך 2 ב. ח. גאַרדאָן און מ. בראַלניצקי; ציונים 72 (מיט ווסיעליע 97) און דורכגעפירט 1 — אַדוואָקאַט י. זעלדאָוויטש, וועלכער איז נאָכדעם אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון קהילה; האַנטווערקער 103 שטימען אויך 2: י. לובטשאַנסקי און י. אַסיוס; פּראָגרעסיווער בלאָק (אָנהענגער פון יידישער וועלטלעכער קולטור) 1 — א. גומענער.

די נייע קהילה־פאַרוואַלטונג איז שוין צוגעטראָטן צו איר אַרבעט. עס איז פאַרשוואונדן דאָס אַלטע נאָוואַגרודאָק מיט זיינע גרויסע רבנים, למדנים, משכילים, בגירים־בעלי־בתים. ווי אַ מעטעאָר איז דורך דער שטורמישער יאָר 1905. די מלחמה און די נאָך־מלחמה־יאָרן האָבן אַ סך געענדערט אין נאָוואַגרודאָק און האָבן צעריסן; אַ ריי ניט קיין נאָרמאַלע ערשיינונגען *). עס בויט זיך איצט אַ נייע קהילה. צי וועלן די נייע פּערזאָנען, וועלכע שטעלן זיך בראָש פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין נאָוואַגרודאָק זיין פעאיק צו שאַפן אַ נייעם מאָדערנעם נאָוואַגרודאָק — איז שווער צו זאָגן. דאָס וועט באַווייזן די צוקונפט.

א. גומענער.

אויגוסט, 1928.

זשעטל

(אַמאָל און איצט).

פּויליש—Dzięcioł, ווייסרוסיש—Здзяцел, רוסיש—Дятлово.

דער נאָמען לויט דער פאָלקער לעגענדע, שטאַמט דערפון, וואָס דער ערשטער פייגל, וועלכן דער ערשטער באַזיצער פון זשעטל האָט דאָ געפונען, איז געווען — אַ פּיקהאָלץ (dzięcioł, дзяцел, дятел).

זשעטל געפינט זיך 12 קילאָמעטער פון דער באַן־סטאַנציע נאָוואַיעלניע, מיט וועלכער זי קאָמוניקירט זיך דורך 2 אויטאָבוסן, וואָס קורסירן 2 מאָל פריער אויך דריי מאָל אין מעת־לעת צווישן זשעטל און נאָוואַיעלניע איבערן שאָסיי. דער שאָסיי גייט פון נאָוואַרעדאָק (נאָוואָגרודאָק) דורך זשעטל, דערעטשין, זעלווע, וואָלקאָוויסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע ביז דער דייטשער גרעניץ. זשעטל ליגט אין אַ מרחק: 45 קילאָמעטער פון סלאָנים צו צפון; 55 קילאָמעטער פון באַראַנאָוויטש — צו צפון־מערב. פון מזרח זיינען קיין גרעסערע נענטערע שטעט ניטאָ; צפון־מזרחדיק אין אַ מרחק פון 35 קילאָמעטער ליגט נאָוואַרעדאָק; 50 קילאָמעטער אין צפון ליגט לידע. צו מערב זיינען קיין נאָענטע גרעסערע שטעטער ניטאָ. 12 מייל צו מערב איז וואָלקאָוויסק און 16 מייל צו צפון־מערב — גראָדנע. דער נאָענטסטער גרעסערער טייך — דער ניעמאַן — איז 20 קילאָמעטער צו צפון פון זשעטל. דאָס שטעטל סניידן דורך צוויי קליינע טייכלעך: די זשעטלקע (Dzięciołka) און די פּאָמערייקע, וועלכע גיסט זיך אַריין הינטער זשעטל אין דער זשעטלקע.

1. דאָס אַמאָליקע זשעטל.

פון די דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין פּוילישן נאַציאָנאַלן מוזיי אין גראָדנע, דערוויסן

---

*) איבערגעגעבן בוכשטעבלעך.

*) ווי מען גיט מיר איבער פון די אָנהענגער פון „ליובטשער צד" הרב אַבאָוויטש, איז די פאָרמולירונג „רב ראשי ורשמי" באַמאַכט געוואָרן נאָכדעם, ווי מען איז געקומען צום שלום — און דעריבער האָט דאָס אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך אַרויסגערופן פיל רייבונגען.

*) דאָ איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אַ פּאָר פאַקטן פון צעפאַלונג (אין אַ געוויסער מאָס) פון פאַמיליען־לעבן, אַלס אַ רעזולטאַט פון די מלחמה־ און נאָך־מלחמה־יאָרן — אַן ערשיינונג, וועלכע נעמט אָן אַ גאַנץ קענטלעכע פאָרם און וועלכע האָט געבראַכט שוין צו טראַגעדיעס אין איניקע אָנגעזעענע פאַמיליעס.

מיר זיך, אַז אין יאָר 1498 האָט דער ליטווישער גרויספירסט אַלעקסאַנדער יאַגעלאָנטשיק דורך אַ פּריווילעגיע פון 6-טן יוני געגעבן דעם פירסט קאָנסטאַנטין אָסטראָגסקי דאָס רעכט צו גרינדן דאָ אַ שטאָט. אָט, אַז פון דעם אָנגעוויזענעם יאָר רעכנט זשעטל איר עקזיסטענץ אַלס שטאָט. שפּעטער איז זשעטל איבערגעגאַנגען צו די ראַדזיווילס, דערנאָך צו די סאַפּיעהאַס. אַ לאַטייניש אויפשריפט אויפן זשעטלער קאַסטיאַל לויטעט: אַז דער קאַסטיאַל איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1646 דורכן קאַנצלעריום פון כלאַניב, ליטוויש גרויס-פירסטענטום, פירסט קאַזימירוס לעאָ סאַפּיעהאַ. צו דער זעלבער צייט רעכנט מען אויך צו דעם „ריאַד"-קראָמען, געבויערטע, וועלכע ציען זיך לענג אויס פון קאַסטיאַל און בילדן די מערב זייט פון געמויערטן צאָם אַרום איר. די לעצטע פּריוואַטע באַזיצער פון זשעטל איז געווען די פאַמיליע סאָלטאַן. נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1831 איז דער באַזיצער פון שטעטל גראַף סאָלטאַן אַנטלאָפן, און דאָס שטעטל מיטן גאַנצן ערד-באַזיץ פון די סאָלטאַנס, וואָס האָבן נאָך געהערט צענדליקער ווייאָרסטן-ווייט אַרום זשעטל, איז אַריבער צו דער מלוכה. אַלס זכר פון די אַמאָליקע מאַגנאַטישע באַזיצער פון זשעטל איז אין שטעטל אויף דער זשעלודקער פאַרבליבן אַ פּאַלאַץ מיטן הערב פון די סאָלטאַנס אויף די קאַרניזן. איבער דער זשעלודקער, ביז דער דייטשער אָקופּאַציע אין יאָר 1915, זיינען נאָך געווען רעשטלעך פון אַן אַמאָליקן הויף-פּאַרק, וואָס האָט געפירט אין פּאַלאַץ, אין גוט, פון וועלכן זשעטל האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן. פון שטעטל אין הויף האָט געפירט פאַר דער מלחמה אַן אַלייע פון אוראַלטע ברייט-שטאַמיקע, פּרעכטיקע טאָפּאָל-ביימער. די דייטשן האָבן זיי אויסגעהאַקט ביז איינעם. דער גאַנצער ערד-באַזיץ אַרום זשעטל פון די אַמאָליקע זשעטלער מאַגנאַטן איז איצט פּאַרצעלירט. אין פּאַלאַץ איז פאַר דער מלחמה געווען אַ רוסישע לערער-סעמינאַר פאַר פאָלקס-שולן. איצט איז אין פּאַלאַץ אַ פּוילישע פּראָפעסיאָנעלע שול פאַר מיידלעך-יתומות.

דער איינציקער שפור פון דער יידישער גאָר-אַמאָליקער זשעטל איז דער אַלטער בית-עלמין אויפן שול-הויף. קיין שום שריפטלעכער אָנדענק פון יענער זשעטל איז ניטאָ. אויפן אַלטן בית-עלמין זיינען די אויסשריפטן אויף די מצבות פולשטענדיק פאַרווישט. פון נייעם בית-עלמין איז פאַראַן אַ פנקס, וועלכער הויבט זיך אָן פון תק"ח. פון די בתי-מדרשים איז קיין פנקס ניטאָ. אַלטע לייט דערציילן, אַז אויפן אָרט פון איצטיקן אַלטן בית-המדרש איז אַמאָל געווען דעם רבס הילצערנע שטוב. אָט די שטוב איז מיט אַ יאָר הונדערט צוריק איבערגעבויט געוואָרן אין אַ מויערנעם בית-המדרש. צו דעם „אַלטן" איבער אַ פּאָליש איז דערנאָך אויפגעבויט געוואָרן דער „מיטעלער" בית-המדרש, עטלעכע טריט פון בנין פון אָט די צוויי בתי-מדרשים, אין איין ליניע, האָבן מיט אַ יאָר 70 צוריק די זשעטלער בעלי-מלאכות אויפגעבויט דעם נייעם בית-המדרש. הינטער די בתי-מדרשים אויף יענער זייט פּאָמערייקע, וואָס פליסט פאַרבײַ זיי, שטייט די געמויערטע „חסידאַרניע"—חסידים-שטיבל. אויפן שול-הויף איז אַמאָל אויך געשטאַנען די אַלטע שול, וועלכע איז מיט אַ יאָר 55 צוריק פאַרברענט געוואָרן נאָך דער „גרויסער" שׂרפה, ווען עס איז, מיט קליינע אויסנאַמען, פאַרברענט געוואָרן דאָס גאַנצע שטעטל.

די אַלטע זשעטל האָט געשמט מיט אירע תלמידי-חכמים און גרויסע רבנים.

זשעטל

דער אַלטער בית-עולם און די בתי-מדרשים.

לינקס—דער אַלטער און מיטלער בית-מדרש, רעכטס—דער נייער.

מיט בערך 200 יאָר צוריק איז אין זשעטל געווען רב דער גאון ר' חיים בר' שמחה הכהן ראַפּאָפּאָרט, וועלכער איז פון זשעטל איבערגענומען געוואָרן פאַר רב קיין סלוצק און פון דאָרטן קיין לעמבערג.

אין יאָר תקי"ט (1759) איז ער געשטאַנען אין לעמבערג אַלס איינער פון די 40 רבנים פון פּוילן, וואָס האָבן אין יענעם יאָר געהאַלטן זיך באַטייליקן אין דיספּוט מיט די פראַנקיסטן. פון די 40 איז ער, צוזאַמען מיט הרב דובער אב"ד ביאַזלאָוויץ און מיט ר' ישראל בעש"ט, אויסגעוויילט געוואָרן דירעקט צו פירן דעם דיספּוט, וועלכער ווי באַוואוסט, האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פון די רבנים. דער דיספּוט איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון לעמבערגער בישאָף מיקולסקי, וועלכער איז אויך געווען זיין אָרגאַניזאַטאָר לויט דער איניציאַטיוו פון די פראַנקיסטן. ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט איז דאַן געווען שוין רב אין סלוצק. נאָכן דיספּוט איז ער דורך דער לעמבערגער קהילה פאַרהאַלטן געוואָרן אין לעמבערג אַלס רב. פאַר די וויכטיקערע ווערק זיינע ווערן גערעכנט זיינע שו"ת (לעמבערג 1861) און „זכר החיים" (ib 1865). אינטערעסאַנט, אַז אין דער „יעווריי. ענציקלאָפּעדיאַ" ווערט ער דערמאָנט נאָר אַלס רב פון סלוצק און דאַן לעמבערג. און פאַר פּראָפ. ד. באַלאַבאַן איז געווען אַ נייס, אַז ער איז אַ לאַנגע צייט געווען רב אין זשעטל. דערמאָנט ווערט דאָס באַשטעטיקט אין דובערס „אנשי שם", אין דער קורצער ביאָגראַפיע וועגן חיים בר' שמחה הכהן ראַפּאָפּאָרט. אין זשעטל איז געווען זיין ערשטע רבנות און אין יאָר תפ"ט איז ער נאָך געווען דאָרטן רב (אנשי שם).

מיט הונדערט יאָר צוריק איז אין זשעטל געווען רב ר' זאב-וואָלף סגל, מחבר פון „עמק הלכה". ר' זאב-וואָלף סגל „הגאון דק"ק זשעטל" ווערט דערמאָנט בײַ די מפרשים פון „יורה דעה", וועלכע שטיצן זיך אויף אים אין זייערע שאלות ותשובות. ר' זאב-וואָלף סגל איז פון זשעטל איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רב אין דייטשלאַנד. געשען איז דאָס, ווי מען דערציילט, אַזוי: דורכפאָרנדיקע דייטשע יידן, סוחרים, זיינען צו ר' זאב-וואָלף סגל געקומען מיט אַ דין-תורה. די דין-תורה איז געווען זייער אַ פאַרוויקלטע. דער רב האָט זי אָבער אַזוי גוט פונאַנדערגענומען און געפּסקנט, אַז קומענדיק אַהיים קיין דייטשלאַנד, האָבן אים די בעלי-דברים פּאָפּולער געמאַכט, און מען האָט אים איבערגענומען אַהין אַלס רב.

ר' זאב-וואָלף סגל איז געחתמעט דער ערשטער אויפן ערשטן פּראָטאָקאָל אין אַלטן פנקס פון זשעטלער „גמילות-חסדים" מיט 100 יאָר צוריק אַלס איינער פון די גרינדער.

די באַרימטסטע ראָלע אין אַמאָליקן זשעטלער יידישן גייסטיק-קולטורעלן לעבן האָט געשפּילט די „אַלטע" חברה ש"ס. מיט אַ יאָר דרייסיק-פערציק צוריק, האָט די אַלטע חברה ש"ס געציילט צווישן אירע מיטגלידער אַזעלכע תלמידי-חכמים, ווי דער אַלטער זשעטלער רב ר' ברוך-אברהם מירסקי, איינער פון די ערשטע גרינדער פון „מזרחי". ער איז אויך געווען, חוץ זיין גרויסער למדנות, אַ בקי אין דער העברעאישער שפּראַך און אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. צו דער אַלטער זשעטלער חברה ש"ס האָט אויך געהערט דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער מאָסקווער רב ר' שמואל ראַבינאָוויטש, אַ זשעטלער איידים. ער האָט געשמט מיט זיין הויכן רבנישן יחוס, גאוניש קאָפּ און גרויסער בקיאות אין תלמוד. צו דער אַלטער זשעטלער חברה ש"ס איז געווען זייער שווער זיך צו דערשלאָגן. געהערן צו אָט דער חברה איז שוין אַליין געווען אַן אַטעסטאַט אויף אַ תלמיד-חכם. מיט אַ יאָר 50 צוריק איז צוליב אָט די שוועריקייטן געגרינדעט געוואָרן אין זשעטל די „יונגע" חברה ש"ס, וועלכע האָט שוין ניט געפאָדערט אַזוי פיל פון אירע מיטגלידער און האָט שוין אָבער אויך ניט פון דער חשיבות, וועלכע עס האָט געהאַט די אַלטע חברה ש"ס.

נאָך דער חברה ש"ס, קומט די אַמאָליקע זשעטלער ישיבה, וועלכע איז געווען באַקאַנט מיט אירע עלוים. זי איז געווען פול מיט בחורים פון אַלע עקן פּוילן, ליטע און רייסן, וועלכע האָבן טאָג און נאַכט פאַרקלונגען דאָס שטעטל מיטן ספּעציפישן גמרא-רעטשיטאַטיוו און האָבן געבילדעט די העכסטע בילדונגס- און ערציאונגס-אינסטאַנץ פאַר דער גאַנצער יידישער אומגעגנט.

בכלל איז די אַלטע זשעטל געשטאַנען אויף אַ באַזונדער גייסטיקער הויך. ביסלעכווייז דרינגען אַריין אין דער אַלטער גאַנצער זשעטל נייע מאָדערנע ווינטן און מאַכן אָן אין איר חורבנות... די אַמאָליקע זשעטלער גיטע בחורים בילדן אין די יאָרן פון „שטורעם און דראַנג" העלדישע קאַדרען פון סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע טוער און וואַרפן זיך אַריין מיטן גאַנצן יוגנט-ברען אין דער גרויסער יידישער און רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג פון די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט

זשעטל איז דאַן געווען אַ באַדייטנדער צענטער פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג אין גאַנצער קאַנט און האָט געשפּילט ניט די לעצטע ראָלע. פֿיל פֿון דער זשעטלער ייִדישער יוגנט זײַנען גיטנעקסטן אויף סיביר, קאַטאָרגע, נאַריסע גלות. אַלס אַ זכר פֿון דער דאָזיקער יוגנט לעבט נאָך ביז הײַנט אין זשעטל אײנער פֿון די ערשטע פֿאַרשפּרייטער פֿון „בונד“ אין דער גאַנצער געגנט חיים קאַפּלינסקי. ראַבּ—יצחק ראַבינאָוויטש, אַן אַרבעטער אין אַ לעדער-פֿאַבריק, אַנאַרכיסט. אָרגאַניזירט און דורכגעפֿירט די באַרימטע עקספּראָפּריאַציע אויף סמאַרגאָני פֿערעקוּלאַק אין פּעטערבורג אין 1905. אַנטלויפֿנדיק, האָט ער דערשאָסן עטלעכע פּאָליציאַנטן. איז אומגעקומען אויף דער תליה. עס קומט נאָך אַ גאַנצע ריי, וועלכע זײַנען שוין טיילווײַז ניטאָ, טיילווײַז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און טיילווײַז אין זשעטל, זשעטלער בעלי-הבתים, מיט ווײַבער און קינדער און מיט גרויסע דאגות. אפֿשר דערמאָנט מען זיך ווען ניט ווען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. פֿאַרקוקנדיק זיך אין דער וועלט אַרײַן, מיט אַ פֿאַרקלערטן שמייכל אויף די ליפּן.

די נייע זשעטל.

זשעטל ציילט איצט 4600 אײַנוואוינער, צווישן ווי 75% ייִדן. די קריסטן, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, זײַנען ווײַסרוסן, ערד-אַרבעטער. די פּראָמיקע נס-באַוויצער זײַנען כּמעט אַלע פּאָליאַקן. די מלוכה-באַאַמטע, צווישן וועלכע עס איז פֿאַראַן אַ באַדייטנדער פּראָצענט אַלטע רוסישע באַאַמטע, גילטן אויך אַלס פּאָליאַקן. הגם, לויט זייער פּוילישן אַקצענט, געפֿינען אין אַנדערע סימנים איז זייער פּוילישקייט גאַנץ פּראָבלעמאַטיש. אַלנפֿאַלס פּאָלאָניזירן זיי זיך זייער ענערגיש. דאָס גייט זיך ווי צוגער ניט גרינג אײַן און נעמט אָן אַ ריין פּראָווינציעלן קרעמער-גײַסט צוליב דעם אויסגעשפּראָכענעם ווײַסרוסישן קאָלאָריט פֿון דער גאַנצער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג.

זשעטל

די תלמוד-תורה.

דער ווײַסרוס באַנוצט אין אַלע פֿאַלן דורכאויס כּמעט ווײַסרוסיש. דאָכזעלבע לאָזט זיך ניט זאָגן וועגן שריפֿטלעכע באַציאונגען מיט דער מלוכה. דאָ ווערט באַנוצט פּויליש.

ייִדישע קינדער באַזוכן בײַ אונדז דאָס רוב די ת"ת, חדרים און אין די גרעסערע שטעטלעך, ווי סלאָנים, לידע, נאָוואָגרודעק, זשעטל—אויך ייִדישע וועלטלעכע אָדער תרבות-שולן. זשעטל, למשל, האָט איר 6-קלאַסיקע ייִדיש-וועלטלעכע פֿאָלקס-שול פֿין. חוץ דעם, חדרים, וועלכע באַפֿרידיקן בעסער—ערגער די שול-נויט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג בײַ אונדז. דאַך געפֿינען זיך אײניקע ייִדישע קינדער, רעדהײַזס, מיידלעך, אין דער אָרטיקער פּוילישער פֿאָלקס-שול, וואו עס קאָסט קיין געלט ניט. ערגער איז אין פּרט פֿון מיטל-שולן. די געציילטע זשעטלער ייִדישע קינדער, וועלכע עס געלינגט צו באַזוכן אין דער פֿרעמדער מיטל-שולן, זײַנען כּמעט אַלע תלמידים פֿון פּוילישע, ד. ה. ייִדיש-פּוילישע מיטל-שולן.



זשעטל

די גאַס און די אַלטע עלעקטרישע סטאַנציע.

די זשעטלער ייִדיש-וועלטלעכע פֿאָלקס-שול איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר 6 צוריק דורך דער זשעטלער יוגנט. ווי אַלע אירע שוועסטער האָט זי געהאַט און האָט איר היוב אויסצושטיין קעלט און וואַרעם פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן. זי האָט זיך שוין אָבער אײַנגעבירגערט בײַ אונדז, און הײַנטיקן זומער האָט זי געפּײַערט איר ערשטן סיום. דער סיום האָט אויך אונזערע עלטערן באַוויזן, אַז די שול שטייט פּעדאַגאָגיש ניט שלעכט, פֿינאַנציעל אָבער — איז גרויסע צרות. מיט דרײַ יאָר צוריק האָט די שול מיט הוילע פֿינף פֿינגער צוגעטראָטן אויסצובויען אַן אייגענעם בנין. חיות אָבער, גוטער ווילן איז פֿאַרט ווייניק אויף אויסצובויען אַ בנין פֿאַר אַ שול, איז פֿאַר דאָס ביסל געלט, וואָס מען האָט באַקומען פֿון אַמעריקע אויף דעם צוועק, אויסגעצאָלט געוואָרן טיילווײַז דער פּלאַץ. די איבעריקע געלט פֿאַרן פּלאַץ האָט מען געשאַפֿן צווישן זיך און אין שטעטל דורך קליינע פֿאַרשטעלונגען, האָט מען אָבער די גרעסטע אויסגעשטעלט אַ שיינעם גערוימיקן גרונט, איבערגעצויגן אַ דאַך און אויסגעפֿלײַסט פֿענצטער. בײַם גרינדן די פֿאָלקס-שול זײַנען אָנגענומען געוואָרן קינדער פֿון די אָרעמסטע הײַזער. איצט באַזוכן די שול 120 קינדער פֿון אַלע שיכטן, און די שול ווערט וואָס אַמאָל פּאָפּולערער.

די שול איז דער ווייכטיקסטער קולטור-צענטער פֿאַר דער יונגער זשעטל. נאָך איר קומט די ביבליאָטעק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן מיט 35 יאָר צוריק. פֿון 1905 – ביז 1915 איז די ביבליאָטעק צוליב פּאָליציייִשע רדיפֿות געווען אין פּריוואַטע הענט. מיטן אָנקומען פֿון די דײַטשן אין 1915 נעמט צוריק איבער די זשעטלער יוגנט די ביבליאָטעק, וועלכע האָט ביז 1921 פֿונקציאָנירט נאָרמאַל און איז געווען פֿאַר זשעטל דאָס, וואָס הײַנט די שול. פֿון דאַן אָן הייבט זיך אָן די ירידה פֿון דער ביבליאָטעק, צוליב דעם, ערשטנס, וואָס די געגרינדעטע שול האָט אָפּגעצויגן דאָס ביסל ענערגיע בײַ דער זשעטלער יוגנט. צווייטנס, האָט דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס און דער לכתחילהדיקער אָקופּאַנטישער רעזשים בײַ אונדז אָפּגעשוואַכט די שטענדיקע ווירקזאַמקייט פֿון דער זשעטלער יוגנט. די שול, אַלס אַ כּלל-פּראַגע, איז פֿרײַ אויפֿן פּאַרטײַ-פּלאַן, און די ביבליאָטעק איז אָפּגעריסן געוואָרן אין שאָטן, און נאָר אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט פֿון ביבליאָטעקער ה' יצחק ליפּאָוויטש, איז זי אײַנגעגאַנגען ניט צעפֿאַלן. איצט האָט מען זיך צוגענומען אויך אַרום דער ביבליאָטעק, און עס איז קיין ספֿק ניט, אַז זי וועט ווידער אויפֿלעבן.

די זשעטלער ת"ת איז שוין גאַנץ אַלט, האָט איר אייגענעם אַלטן בנין און ווערט אויסגעהאַלטן פֿון צדקה דורכן זשעטלער אַגודהניק רב ר' זלמן סאָראָצקין און אײניקע עלטערע בעלי-בתים. דאָך הויפּט-געוויכט ווערט, פֿאַרשטייט זיך, געלייגט אויף די רעליגיעזע למודים. די עלטערן פֿון די קינדער מישן זיך אין דער פּעדאַגאָגיק. צוליב די אײַנגעוואָרצלטע אָנשויאונגען אויף דער ת"ת אַלס אַן אָרט, וואו יעדער טאַטע האָט אַ דעה און ווייסט אָן, ווי צו לערנען און וואָס צו לערנען. גלייבט ניט — נעמט ער אַוועק זײַן ייִנגל.. די ייִדיש-וועלטלעכע פֿאָלקס-שול באַזוכן כּמעט קיין ייִנגלעך ניט צוליבן פֿעלן פֿון רעליגיעזן עלעמענט און צוליב דער השפּעה פֿון ת"ת-צד.

די פֿאָלקס-שול אָרדנט אײַן פֿון צײַט צו צײַט אָוונטן, אַמאַטאָרישע ספּעקטאַקלען, פֿאָרלעזונגען—

אָבער אַלץ מיט אייגענע כּחות. אַראָפּגערעכנט אַ פּרעלעגענס, שוין ניט רעדנדיק וועגן אַ טרופּע, פֿון וואַרשע אָדער ווילנע איז ניטאָ קיין כּח, ווײַל זשעטל איז דערצו נאָך אָרים. און פֿאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַ רעפֿערענט אָדער אַ טרופּע קיין זשעטל בלײַבט עס לזכּרון. ווינטער 1924 האָט באַזוכט זשעטל ייד הערמאַנס טרופּע, איז מען געלאָפֿן, אַלט און יונג, אויף אַלע דרײַ פֿאָרשטעלונגען, און ביז הײַנט רעדט מען נאָך וועגן דעם*).

ווי אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך איז אין זשעטל פֿאַראַן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, פֿאַראייניקטע ג. צ. און פּ. צ., חלוצים און דאַן אַ געוויסער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין פֿון די יוגנטלעכע בעלי-מלאכה. די אַלע חלומען וועגן אַ לעקטאָר, אָרגאַניזאַטאָר פֿון וואַרשע, האָבן קיין געלט ניט און בלײַבן בײַם וועלן. די חלוצים לערנען זיך מלאכות, אויך ערד-אַרבעט און פֿאָרן צו ביסלעך אין פּאַלעסטינע.

זשעטל

דער ייִדישער שפּיטאָל.

ווײַטער פֿאַרמאָגט זשעטל די אַלע ספּעציפֿיש-ייִדישע קהלשע חבֿרות און אינסטיטוציעס, ווי לינת הצדק, עזרת-חולים, גמילות-חסד, יכרוכה. דאַן אַ זייער גוטע עלעקטרישע סטאַנציע, וועלכע באַלײַכט דאָס גאַנצע שטעטל, אַ גאַנץ גוטע באָד, אַ ייִדישן שפּיטאָל, וועלכער איז אַגבֿ גרינדלעך פֿאַרלאָזן, אַ פֿײַערלעשער-געזעלשאַפֿט, וועלכע איז שוין אַלט 24 יאָר און איז גאַנץ גוט אָרגאַניזירט.

די פֿײַערלעשער-געזעלשאַפֿט איז אויסגעבויט געוואָרן מיט ייִדישע כּוחות און מיטלען, און ביז הײַנטיקן טאָג זײַנען דאָס רובֿ מיטגלידער — ייִדן. פֿאַקטיש איז דאָס אַ ייִדישע געזעלשאַפֿט, ווײַל חוץ ייִדן אינטערעסירט מען זיך מיט איר קנאַפּ-וואָס. דער אינווענטאַר פֿון דער געזעלשאַפֿט איז אויך געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר ייִדיש געלט.

צום סוף קומט די ווײַכטיקסטע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע עקאָנאָמישע אינסטיטוציע — די זשעטלער ייִדישע פֿאָלקס-באַנק. די באַנק נעמט אַרום דאָס גאַנצע ייִדישע עקאָנאָמישע זשעטל. די באַנק איז אָנגעשלאָסן אָן דער ווילנער צענטראַלער ייִדישער קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקס-באַנק. דאָס ייִדישע עקאָנאָמישע לעבן איז אָרגאַניזירט אין אַ סוחרים-פֿאַראיין און האַנטווערקער-פֿאַראיין, וועלכע נעמען אַרום דעם גרעסטן טייל קרעמער און בעלי-מלאכות. די בײַדע פֿאַראיינען זײַנען אָנגעשלאָסן צו די וואַרשעווער צענטראַלעס און פֿונקציאָנירן פֿאַרהעלטנישמעסיק ניט שלעכט.

פֿון וואַנען לעבט זשעטל?

אַז די פֿראַגע מוז זיך שטעלן, ניט ווילנדיק, יעדער, וואָס קומט קיין זשעטל און ווערט נשתּומם פֿון דער שפֿע קרעמען און קרעמלעך, וואָס רינגלען אַרום. ווי אַ פֿאַרזשאַווערטע קייט דעם גאַנצן, נעבעכדיקן, לײַדיק-אויסגעטרעטענעם מאַרק אין מיטן שטעטל און פֿאַרפֿלייצן אויך אַלע איבעריקע גאַסן און געסלעך, איז די ערשטע און ריכטיקסטע

---

*) דער מצב אין יוני 1929 שטעלט זיך פֿאָר אויף פֿאָלגנדן אופֿן: די שולן, ווי די „צ.ש.אָ.-שול“ אַזוי אויך די „תּלמוד-תּורה“, אָטעמען קוים — געפֿינען זיך אין אַן אומדערטרעגלעכן שווערן מצבֿ פֿון פּערמאַנענטער געלטלאָזיקייט. די צאָל קינדער (בערך צו 200) איז אַ גלײַכע אין בײַדע שולן מיט גאַנץ קליינע וואַקלונגען. נאַטירלעך, שפּיגלט זיך אָפּ די שווערע געלט-לאַגע אויף דער פּעדאַגאָגישער זײַט. פֿון מלוכה-סובסידיעס איז דערווײַל ניטאָ וואָס צו ריידן. דער מאַגיסטראַט האָט אויף דאָס לויפֿנדע יאָר געהעכערט די סובסידיע פֿאַר די שולן אויף 50%, ד. ה. אַנשטאָט 2000 זל. — איז דאָס יאָר באַשטימט געוואָרן פֿאַר בײַדע שולן — 3000 גילדן. אַחוץ דעם געלינגען אויסצוקוועטשן נאָך אַ פּאָר הונדערט זל. צו 1500 גילדן אַ יאָר פֿאַר אַ שול מיט 200 קינדער דורכשניטלעך מיט 4—5 לערער איז עס ניט קיין מאַטעריעלער פֿונדאַמענט, אויף וועלכן אונזערע שולן נויטיקן זיך אין דער ערשטער ריי. שכר-לימוד מאַכט אויס אַ נישטיקן פּראָצענט אין אונזערע שול-בודזשעטן. דאָס שטעטל איז נויטלײַדיק פֿאַראָרעמט. קיין שכר-לימוד צאָלט מען ניט דאָס רובֿ און דאָס ביסל, וואָס מען צאָלט, איז זייער אומפּינקטלעך. די בעסערע לערער גייען אַוועק. די צו אָפֿטע שינויים אין לערער-צוזאַמענשטעל איז אויך ניט קיין מעלה. דאָ נעמט אָן פֿאַר זיך אַ גינסטיקן עקזיסטענץ-באָדן די פּוילישע „פּאָווסעכנע“-שול, וועלכע ציילט איצט 30% ייִדישע קינדער, אמת, דאָס רובֿ מיידלעך, אָבער היפּש ייִנגלעך אויך.

פֿון אַנדערע קולטור-אינסטיטוציעס דאַרף מען דערמאָנען די „ישא“-אַסעמבלונג, „סקז“-געזעלשאַפֿט און די לעצטנס צוגעקומענע „קולטור-ליגע“. די אַלע געזעלשאַפֿטן ווײַזן אָבער אַרויס אַ גאַנץ אומבאַרויִקנדיקע פּאַסיווקייט. באַשטייען דאָס רובֿ פֿון יונגט, פֿון ייִדישער יוגנט, וועלכע האָט ניט וואָס צו טאָן, איז באַרגאַנאַז, איז פֿאַרנומען מיט אַ סך שווערע און ביטערע דאגות וועגן „אם תּאמר מה נאכל“... דער דראַנג צו עמיגראַציע איז זייער שטאַרק, און ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, ווערט נעלם פֿון שטעטל דאָ דער, דאָ יענער. מען עמיגרירט, וואו עס לאָזט זיך, דאָס רובֿ קיין דרום-אַמעריקע. עס זײַנען פֿאַר די לעצטע פֿאַר יאָר אויך צוגעקומען הינטער קרעמלעך. דער עולם לייגט „האָפֿענונגען“ אויפֿן צעכן-געזעץ, אויף די צעכן-קאַמער, אַז מער קיין קרעמער און בעלי-מלאכות וועט ניט צוקומען; אַזוי ליכטיק און גיך, ווי ביז איצט...

וועגן ווײַסרוסישער קולטור-טעטיקייט בײַ אונז איז דערווײַל אַפֿילו קיין ריד ניט. זיי ווערן זייער ליכט פּאָלאָניזירט. אַלע ווײַסרוסישע קינדער זײַנען מוכרח באַזוכן באין ברירה די פּוילישע „פּאָווסעכנע“ שולן. זיי אַמפּערן זיך נישט. דאָס ביסל אומצופֿרידענקייט זעט זיך לחלוטין ניט אָן...

די לעצטע פֿאַר יאָר עקזיסטירט דאָ אויך אַ צוויי-קלאַסיקע „תּרבות“-שול, וועלכע אַרבעט אונטער דער פֿירמע פֿון דער תּלמוד-תּורה און איז ניט ווײַט אַוועק פֿון איר. עס איז גיכער אַ אגודה'שע „עזרה“-שול, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון געוועזענעם זשעטלער רבֿ (איצט לובּקער) זלמן סאָראָצקין. די לאַגע איז אָבער אַזאַ, אַז פֿון אַ וועלכן עס איז אויסגעהאַלטענעם קולטור-קאַמף צווישן די צוויי שולן — צ. ש. אָ. און תּרבות — קען דאָ קיין ריד ניט זײַן. ניטאָ די מיטלען דערצו. זײַנען די איינציקע קאָנקורענץ-מיטלען — ביליקייט פֿון שכר-למוד, אָדער אינגאַנצן אָן שכר-למוד — און דאַן — די „נאַציאָנאַלע“ און „רעליגיעזע“ סענטימענטן פֿון דער תּלמוד-תּורה און „תּרבות“; און פֿון דער אַנדערער זײַט — די „וועלטלעכקייט“. דערווײַל שיקט מען גאָר אַלץ מער אין די פּוילישע „פּאָווסעכנע“, וואו מען לערנט לעצטנס אויך „ייִדישע רעליגיע“ איין מאָל אָדער 2 מאָל אין וואָך (ניט אין שול גופֿא, נאָר די קינדער גייען צו אַ מלמד אַהיים).

דער בנין פֿון דער צ. ש. אָ.-שול איז נאָך ווײַט ניט פֿאַרטיק, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, ניט פֿון דרויסן, ניט פֿון אינעווייניק. דאָך ווערט אין אים געלערנט. זומער איז נאָך גוט. ווינטער מוז מען אַ גאַנצן טאָג הייצן (אויב עס איז נאָר ניטאָ קיין מניעה אין האָלץ), ווײַל דער בנין איז אינעווייניק ניט געטינקעוועט און ניט געקלעקט. פֿון דרויסן ווידער — ניט געטאַלעוועט.

די ביבליאָטעק אונזערע איז אונטער דער פֿירמע פֿון סוחרים-פֿאַראיין. דער ביכער-באַשטאַנד איז ניט קיין קלענסטער. פֿון מאַגיסטראַט באַקומט די ביבליאָטעק אַ גאַנץ קליינע סובסידיע — אַ פּאָר הונדערט גילדן. מיר האָפֿן, אַז ווײַטער וועט נאָך די סובסידיע פֿאַרגרעסערט ווערן.

זשעטל האָט שוין אַ נײַע עלעקטרישע סטאַנציע מיט אַ „דיזעל“-מאָטאָר. די עלעקטרישע סטאַנציע, הגם זייער און זייער אַ גוטע, מיט אַ זייער גרויסער פֿאַרצווײַגטער עלעקטרישער נעץ, מיט אויסגעצייכנטע ליכט, האָט אָבער אײַנגעבראָכן דעם מאַגיסטראַט, אַז קוים, וואָס ער אָטעמט. דאָס פֿאַרגעניגן קאָסט אַ ביסל צו פֿיל פֿאַר זשעטל. ליגט מען מיט הלוואות און וועקסלען אין דער מלוכה-שער ווירטשאַפֿטס-באַנק וכדומה.

דער שפּיטאָל איז פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַמבולאַטאָריע, וואוהין עס קומט 3 מאָל אין וואָך דער דאָקטער. אין דער אַמבולאַטאָריע — צאָלט מען 1 גילדן פֿאַר אַ וויזיט. אַזוי, אַז מיר האָבן איצט אין זשעטל 2 אַמבולאַטאָריעס: אַ פּוילישע און אַ ייִדישע. אין דער פּוילישער קאָסט אַ וויזיט 50 גר. אין דער ייִדישער איז פֿאַראַן אויך אַ קוואַרץ-לאַמפּ, מיט וועלכן מען באַניצט זיך פֿאַר אַ מינימום-פּרײַז.

תּשובֿה, וואָס אַ זשעטלער ייִד וועט אייך אויף דער ערשטער פֿראַגע געבן:

— וואָס איז שייך, פּינווייניגער ייִדן לעבן דאָ, מע לעבט...

פּראָיעקטירנדיק זיך מיט אַ דער קאָרי־דינגלער בראַנזע געענטער, וועט איר זיך דערוויסן, אַז הונה ציט זשעטל פֿון מאַרק־טאָג, צו וועלכן עס גרייט זיך אויף קיין זשעטל די פּרימיטיווע פּויערשע באַפֿעלקערונג. עס זיינען טאַקסיס, לעצטנס, איינגעשטעלט געוואָרן צוויי מאַרק־טעג: דינסטאָג און פֿרייטאָג. דער אמתער מאַרק־טאָג איז אָבער דינסטאָג. אַלע איבעריקע טעג פֿון דער וואָך זיינען נאָר פּרעלודיעס צום מאַרק־טאָג. מיט איין וואָרט: דאָס גאַנצע עקאָנאָמיש־פֿינאַנציעלע ווירטשאַפֿטלעכע און אין אַ גרויסער מאָס דאָס געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלע לעבן פֿון זשעטל איז אָפּהענגיק און ווערט רעגולירט דורכן דינסטאָגדיקן מאַרק־טאָג. היות אָבער דער ערשטיקער פּויער איז אייך גענוג אָרעם, גיט דאָס רובֿ דער מאַרק־טאָג מער טומל, ווי ממשות.

פּראָפֿעסיאָנעל זעט אויס זשעטל אַזוי:

אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונג — דאַמפֿ־מיל און טאַרטאַק, געהערט צו פֿיר שותּפֿים.

קרעמער — 170. דערהויפּט — באַקאַליי, מאַנופֿאַקטור, אייזן, לעדער, גאַלאַנטעריי, שיך, גלאָז, אַפּטייק־סקלאַדעס. פֿון זיי 115 אָנגעשלאָסן אין סוחרים־פֿאַראיין. כּמעט אַלע פֿון מיטעלער און דריטער קאַטעגאָריע.

ביר־האַלעס — 10; טשיי־הייזער — 10; האָטעלן — 4; רעסטאָראַנען — 2; אַ קליינע קאַנפֿעקטן־פֿאַבריק; קליינע רייכוואַרג־הענדלער, רייזעלע — קאָראַבעיניקעס און פּראַכלער — צוזאַמען — 40 פֿאַמיליעס. צוזאַמען מיט די קרעמער — 210 משפּחות.

האַנטווערקער — בערך — 250 משפּחות.

לויט די פֿאַכן:

נאָדל־פֿאַך: שניידער־קעס, נייטערקעס — 53 פֿאַמיליעס, קירזשנער — 6.

לעדער־פֿאַך: שוסטער — 50; שטעפּער — 10; גאַרבער — 10; רימער — 8; בוינער — 2.

האָלץ־פֿאַך: סטאָלערס — 25; פֿינדל־מאַכער — 2.

מעטאַל־פֿאַך: שמידן — 15; שלאָסער — 3; קאָסלער — 1; געהילף־מאַשיניסט — 1; זייגערמאַכער — 2; בלעכער — 2.

גלעזער — 10.

מאָלער און פֿאַרבער — 4; קאַלבער — 3; מוליאַרעס — 3.

טעפּער (גאָלוסניקעס) — 3; וואַסער־טראָגער — 2.

דערנערונגס־פֿאַך: בעקער — 20; קצבֿים — 25; וווּרשט־מאַכער (באַלוסניקעס) — 6; זעלצער־וואַסער־פֿאַבריקלעך — 2; מילנער (וואַסער) — 1; וואַלצן־מילנער (דאַמף) — 1.

ערד־אַרבעטער: לאַנדווירטן — 3; גערטנער — 2; סעדער — 7;

פֿאַרשיידענע: פֿאָטאָגראַפֿן — 2; עלעקטראָטעכניקער — 2, פֿורמאַנעס — 30; פֿריזירער — 4; וואָל־נערסטער — 2; זאָקנמאַכערקעס (מאַשין) — 1.

ספּעציפֿיש־ייִדישע פֿאַכן: סופֿרים (סת״ם) — 30; פּאַרמעס־מאַכער — 3; פּאַרוקנמאַכערקעס — 1.

פֿרייע פּראָפֿעסיעס: דאָקטוירים — 1; פֿעלדשער — 1; דענטיסטן — 2; לערער, מלמדים — 15.

כּלי־קודש: רבֿ — 1; חזן — 1; שוחטים — 3; שמשים — 3; קבֿרות־לייט — 1 (דערוועלבער אויך אַ מצבֿה־קריצער).

שוואַרצאַרבעטער — 5.

פֿאַר דער מלחמה און מיט אַ יאָר דריי צוריק איז זשעטל געווען אַ צענטער פֿון וואַלד־סחר. וואַלד־אָנגעשטעלטע (דורכאויס ייִדן) אַזויגערופֿענע פֿאַקטאָרס האָבן אויסגעמאַכט אַ גאַנץ אָנזעעוודיקן פּראָצענט אין זשעטל. [illegible] פֿון פֿאַקטאָרס 2 פֿאַמיליעס.

אַמעריקע פֿאַר זשעטל.

ווי אין גאַנץ פּוילן, האָט דער „דזשוינט“ אויך אין זשעטל פֿאַרהיט אַ סך ייִדישע משפּחות פֿון בוכשטעבלעכן אונטערגאַנג אין דער ביטערער איבערגאַנגס־צייט פֿון 1920—1922 און צוריק אויפֿגעשטעלט די געזעלשאַפֿטלעכע זשעטל.

די איינציגע הילפֿס־אַרבעט פֿון „דזשוינט“, ווי בכלל פֿון אַמעריקע אין זשעטל הייבט זיך אָן פֿון יאָר 1920. אין דעם יאָר האָט צום ערשטן מאָל אַ דעלעגאַט פֿון „דזשוינט“ באַזוכט זשעטל און האָט איבערגעלאָזן 10.000 מאַרק. דאָס האָט דאַן באַטראָפֿן אַ סומע פֿון איבער 300 דאָלאַר. דער דעלעגאַט ה׳ לעווי האָט אויפֿגעמונטערט דאָס פֿולשטענדיק עקאָנאָמיש און געזעלשאַפֿטלעך חרובֿע שטעטל און האָט זי פֿאַרבונדן מיט סלאָנים אַלס אַ זעלבסטשטענדיקן פּונקט. ביז דאַן איז זשעטל געווען אַזוי גוט ווי איזאָלירט פֿון דער „דזשוינט“־טעטיקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דירעקטער געזעלשאַפֿטלעכער לעבן. עס איז גלייך געגרינדעט געוואָרן פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען אַ ועד־הקהל מיט דער הייפּט־אויפֿגאַבע צו פֿאַרטיילן צונקמעפיק די שטיצע, וועלכע פֿלעגט פֿון דאַן אָן אָנקומען רעגולער יעדן חודש אין גרעסערע אָדער קלענערע סומעס. די שטיצע פֿלעגט פֿאַרטיילט ווערן אָן אויסנאַם צווישן אַלע שטעטלעכע תּלושע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן ווידער באַקומען אַ רוסק. עס האָט זיך געצייגט אַ קיך פֿאַר די אָרעמסטע, וואָס פֿלעגט אַרויסגעבן ביז 200 פּאָרציעס טעגלעך. דאָס שטעטל אַליין פֿלעגט אויך דעקן טיילווייז די הוצאות דורך באַשטייערונגען. אַ סך פֿלעגן אין עקסטרע פֿאַלן באַקומען קצבֿה. אַ כּך ווידער האָט מען געהאָלפֿן אָפּבויען ווערקשטאַטן, זיך שטעלן זעלבסטשטענדיק אויף די פֿיס. אַלע חודש פֿלעגט אין סלאָנים פֿאַרקומען אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון גאַנצן סלאָנימער קרייז וועגן דער פֿונאַנדערטיילונג פֿון די „דזשוינט“־געלטער, קליידער, שיך, וואָס פֿלעגן אָנקומען קיין סלאָנים פֿאַרן גאַנצן קרייז. אין יאָר 1922 שליסט זיך אָן זשעטל אָן ביאַליסטאָקער דיסטריקט מיטן זשעטלער רבֿ ר׳ זלמן פּראָסקין אַלס פּראַקטיקער. עס הייבט זיך דאַן אָן די פּלאַנמעסיקע אויפֿבוי־טעטיקייט פֿון „דזשוינט“ אין אונזער ראַיאָן. דער ביאַליסטאָקער „דזשוינט“ טיילט אויס פֿון זיך דריי צענטראַלעס: מעדיצינישע־סאַניטאַרע, יתומים, קרעדיט. דער זשעטלער רבֿ איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פּרעזידיום פֿון ביאַליסטאָקער דיסטריקט. מיט דער הילף פֿון „דזשוינט“ קויפֿט דאַן אָן די שטאָט די באָד פֿון אַ פּריוואַטן באַזיצער, רעמאָנטירט איר, ווי געהעריק, פּאַסט זיך איין אַ נייעם, מאָדערנעם אינווענטאַר, מכשירים. עס ווערט רעאָרגאַניזירט דער ייִדישער שפּיטאָל, רעמאָנטירט און מערערן קאָמפּלעטירט מיט אַ גוטן, נייעם אינווענטאַר און הייבט אָן גוט און נאָרמאַל צו פֿונקציאָנירן. ביים שפּיטאָל האָט זיך געעפֿנט אַ אַמבולאַטאָריע. עס ווערט אָרגאַניזירט די שול־מעדיצין און היגיענע, פֿון וועלכע עס פֿלעגן גענייסן איבער 200 קינדער. מען האָט דאַן אויך אויסגעבויט דעם שפּיטאָלס אייז־סקלאַד, וועלכער דעקט ביז היינטיקן טאָג די נויט אין אייז אין פֿאַלן פֿון קראַנקייט ניט נאָר אין זשעטל, נאָר אויך אין דער גאַנצער אומגעגנט, אָן אויסנאַם פֿאַר ייִדן, ווי קריסטן. דער ייִדישער שפּיטאָל איז דאַן מיט דער הילף פֿון „דזשוינט“ לעגאַליזירט געוואָרן אַלס אַזעלכער. ייִדישע לעגאַליזירטע שפּיטעלער זיינען פֿון 110 שטעטלעך פֿון ביאַליסטאָקער ראַיאָן געווען דאַן נאָר אין 2: אין זשעטל און רוזשינאַי ביי סלאָנים. עס האָט זיך געבילדעט אַ סאַניטאַרע־קאָמיסיע, וואָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל געריניקט, געקאַלכט, דעזינפֿיצירט, געגרינדעט אַ טעהי־זעק אין אַרייכגעגעבן נייע, און ועל כּולם — לעגאַליזירט זייער אַ דירעקטע „עזרת־חולים“. אָרימע קראַנקע פֿלעגן באַקומען איינגאַנצן אומזיסט מעדיצינישע הילף, פּלעגער און פּלעגערקעס איינגעשטעלט. חוץ דעם, האָט זיך דאַן אין זשעטל געגרינדעט אַ קרייז־קאָמיטעט פֿאַר יתומים־פֿאַרזאָרגונג מיט ה׳ משה־ראובֿן מאַרוקאָווסקי בראָש. די צאָל אָרעמסטע זשעטלער מלחמה־יתומים איז אויסגעוואַקסן; פֿון 8 לכתּחילה ביז 20. פּאַקטיש האָט מען געזאָרגט פֿאַר מער. פֿון זיי איז אַ גרעסערער טייל געווען בעלי־מלאָכות און זיי זיינען שוין איינגאַנצן אַרויס פֿון קהלשער אַפּוטרופּסות.

מיט דער הילף פֿון דער קרעדיט־צענטראַלע איז אין זשעטל אַרייגעבויט געוואָרן די איינגעדערמאַנטע פֿאָלקס־באַנק. דאָס אָפּשטעלן די אויפֿבוי־אַרבעט פֿון „דזשוינט“ אין פּוילן האָט זיך שאַרף אָפּגערופֿן אויך אין זשעטל.

די זשעטלער ייִדישע יוגנט טריקנט אויס די שטעטלשע זומפּן (ז. זייט 424).

זשעטל האָט באַקומען פון „יעקאָפּאַ" עטלעכע סובסידיעס, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרלייכטערן אַ ביסל די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין זשעטל. די סובסידיעס האָבן אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַגייען דעם פלאַן „גמילות חסד", אין וועלכער עס האָט זיך געפילט אַ גרויסע נויט. דער „גמילות חסד" גיט גרויס אָנגעצייכנטע הלוואות. די יתומים-הילף גייט די לעצטע יאָרן אינגאַנצן דורך „יעקאָפּאַ" אין ווילנע, אָן וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן, נאָך דער ליקווידירונג פון דער ביאַליסטאָקער „דזשוינט"-צענטראַלע, באַראַנאָוויטשער און סלאָנימער קרייזן. ווייטער, איז דאַנק „יעקאָפּאַ", אין יאָר 1926 אין זשעטל געגרינדעט געוואָרן אַ רעטונגס-קאָמיטעט פאַר אַרבעטסלאָזע און צו דעם צוועק האָט „יעקאָפּאַ" אַסיגנירט געוויסע סומעס. מען איז גלייך צוגעטראָטן אויסצוטריקענען די שטעטלשע זומפּיקע לאָנקעס — 32 דעסיאַטין דורך גראָבנס און פאַרוואַנדלען זיי אין פּאַשע פאַר יידישע בהמות. עס האָבן דאָרטן געאַרבעט טעגלעך ביז 25 יידישע אַרבעטסלאָזע. דאָס שטעטל האָט געגעבן צו דעם צוועק אַ טאָג אַרבעט פון יעדער יידישער פאַמיליע. דעם 25-טן אויגוסט 1926 האָט אונדזער שטעטל באַזוכט דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון „יעקאָפּאַ" ה' משה שאַליט. צווישן אַנדערן, האָט ער אויך באַטראַכט די אויסטריקענונגס-אַרבעט, האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט און אַסיגנירט צו דעם צוועק אַ ווייטערדיקע סומע.

חוץ „דזשוינט" און „יעקאָפּאַ" האָט באַשטאַנד מיטגעהאָלפן צו ליבערן די נויט אין זשעטל און אויסצוריכטן די עקאָנאָמיש דער זשעטלער רעליף אין אַמעריקע. פון פּריוואַטער רעגולערער אַמעריקאַנער הילף האָבן אין די יאָרן 1919—1921 געלעבט 50—60 פּראָצ. פון שטעטל. די דאָזיקע הילף ווערט דורך אַלץ מער פאַרקלענערט. היינט צו טאָג באַקומען נאָך פון אַמעריקע רעגולערע שטיצע אַ 30—35 פאַמיליעס; פון צייט צו צייט 30— פּראָצ. פון שטעטל. די סומעס זיינען אָבער ניט יעדער יאָר קלענערע, ווי פריער.

דער מער-ווייניקער איצט אויסגעקריסטאַליזירטער פּראָפיל פון דער עקאָנאָמישער זשעטל איז אין פאַרהעלטעניש צו די אַרומיקע גרעסערע און איינציקע קלענערע שטעטלעך אַ ניט-צופרידנשטעלנדיקער. דאָס לעבן איז אַריין אין נאָרמאַלע ברעגעס, און פונקט, ווי פאַר דער מלחמה איז אויך זשעטל—אָרעם, מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס איצט ווייס מען מיט אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצורייסן דעם ביסן ברויט פון מויל. מען גראָבט זיך אונטער אַפילו אונטער די חושבדיקע יידישע קרעמלעך. עס עקסיסטירן שוין אין זשעטל 10 קריסטלעכע קראָמען, וועלכע ציען אָפּ דעם קריסטלעכן קונה. מען ווערט דערשטיקט אונטערן שטייערן-לאַסט און אונטער אַ סך אַנדערע לאַסטן... אין אָט דער ריכטונג האָט זיך געענדערט אין גאַנצן ניט דער עקאָנאָמישער אויסזען פון זשעטל. די פּראָפעסיאָנעלע קאָנסאָלידירטקייט פון דער פאַרמלחמהדיקער זשעטל איז פאַרשוואונדן. פאַר דער מלחמה איז דער קרעמער געווען אַ קרעמער און דער בעל מלאכה אַ בעל-מלאכה. יעדער מיט זיין טראַדיציאָנעלן, איינגעוואָרצלטן לעבנס-שטייגער, השגות און פּרנסה. איצט ווערט דער יידישער קרעמער אַרויסגעשטויסן פון זיינע פּאָזיציעס, און דער בעל-מלאכה זיצט אָן אַרבעט — און אַלע ווילן עמיגרירן. עס איז נאָר ניטאָ וואוהין און ווי אַזוי. נאָר געציילטע גליקלעכע פון דער יוגנט איז געלונגען אַרויסצורייסן זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין און זיך איינאָרדענען. אויף זיי און צו זיי זיינען געווענדט די בענקשאַפט חלומות פון דער זשעטלער עמיגראַנטישער יוגנט.

די זשעטלער אויבעראינסטיטוציע אָדער סראַלייזער.

ישראל-עזר גריבאַנסקי, אייגנטלעך — סראַלייזער. אָט דער נאָמען האָט ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בערך כּולל געווען אין זיך גאַנץ זשעטל, ריכטיקער — די פּאָטענץ פון דער געזעלשאַפטלעכער זשעטל אויף אַלע געביטן. קליין, דאַר, רירעוודיק, מיט אַ פּאָר טונקל-בלויע שטאַרק קורצזיכטיקע אויגן מיט אַ געשפּאָרן געלבלעך-גרוי-בערדל און האָר האָט סראַלייזער אין די שרעקלעכע טעג גלייך נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען זשעטל איז געווען באַראַבט פון אַלע זייטן פון געפערלעכע וואַלד-באַנדיטן, פון איבעררחמנותדיקן הונגער און נויט; אין די שרעקלעכע טעג פון די באָלשעוויסטישע אינוואַזיעס, ווען אַלע פּאָר וואָכן פלעגן זיך בייטן די מאַכטן: היינט פּאָליאַקן, מאָרגן באָלשעוויקעס; ווען די פּאָלראַטישע הפקרות האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט טויט-שרעק איבער די יידישע זשעטל; ווען אַלע, אָן אויסנאַם, יידן, אַלט און יונג, האָבן געציטערט פאַרן לעבן, האָב און גוטס: — אין יענע טעג איז סראַלייזער געווען דער איינציקער, וואָס ס'איז געלאָפן פון איין מאַכט-פאַקטאָר צום צווייטן מיט בקשות, געטראָגן קאָנטריבוציע, געוואָרטלט זיך מיט די הוליגאַנישע פּאָלראַטן און אָפּגעראַטעוועט ניט איין יידן פון זיכערן טויט, ניט איין יידישע פאַמיליע—פון חורבן. די קריסטן, ווי די צווייטע פּאָליאַקן, ראָסלייבן — די באָלשעוויקעס האָבן אים שוין געקענט, ווי אַ בייזן שילינגער, און ווי פלעגן זיך אויפמערקזאַם צוהערן, וואָס דער „סאָדראַבינאָק" זאָגט, ווייל, חוץ אַלע זאַכן, איז סראַלייזער ניט קיין נאַר און סאַרטויניק. נאָך האָבן זיי געוואוסט, אַז וואָס דער „סאָדראַבינאָק" זאָגט צו — איז הייליק. סראַלייזער פלעגט אין יענע טעג אַרומלויפן איבער די זשעטלער גאַסן, אויף וועלכע מען פלעגט זעלטן אָנזען אַ יידן, קלאַפּן אין די צוגעמאַכטע לאָדנס, וועקן, מונטערן, פאַרערן, שרייען, טראָגן גייט און, דער עיקר — באַרויקן. אין די שרעקלעכע טעג און נעכט, ווען איין מאַכט פלעגט אַרויסגיין, און זשעטל פלעגט מיט טויט-שרעק וואַרטן אויף דער אָט-אָט אָנקומענדיקער נייער פּאָלראַטסקע, ווען די גאַנצע יידישע זשעטל פלעגט זיך באַהאַלטן וואו נאָר אַ לאָך, אין צעפּולטע, צעציטערטע, צוהערן זיך, ווי דורך שויבן-געבראָזגעריי פון יידישע פענסטער רייסן זיך דאָ פון דאַנען, דאָ פון דאָרטן פאַרצווייפלטע געוואַלדן נאָך הילף: — אין יענע טעג און נעכט איז סראַלייזער געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך ניט געשראָקן, אַרומגעלאָפן פון איין קאָמענדאַנט צום צווייטן, איבער אַלע יידישע קראָמען, איינגעאָרדנט ביים רב אין שטוב אַ מין עטאַפּ פאַר זעלנער, וואו מען פלעגט זיי טיילן פּאַפּיראָסן, טיי; וואו עס פלעגן פאָרקומען אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָמענדאַנטן... אין יענע גרויזאַמע איבערגאַנגס-טעג איז סראַלייזער געווען פאַר דער שטעטל בוכשטעבלעך — אַ מלאך המושיע. דאָס איז געווען זיין אַפּאָטעאָז.

אָבער דער קאַפּיטל סראַלייזער הייבט זיך אָן ניט פון אָט די טעג. נאָך אין די אַלטע גוטע צייטן, מיט אַ יאָר 25—30 צוריק איז אין זשעטל ניט געווען קיין איין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, קהלשע חברה, אין וועלכער סראַלייזער זאָל ניט זיין דער איניציאַטאָר אָדער דער אַקטיווסטער טוער. אומעטום פלעגט ער אַריינברענגען לעבן, באַוועגונג. ניט איין פּאַטש האָט סראַלייזער געקראָגן, ווען ער האָט פּאַקסיש פאַנטאַזירט פון דער ריכטיקער קאָזנאַ דעם בנין פון זשעטלער וואָלאָסט-שפּיטאָל נאָך איינצואָרדענען דאָרטן אַ יידישן שפּיטאָל, נאָך די פאַרשיידענע מחלוקות רייכערייען פאַר אַ רב, אַ דאָקטאָר, פאַר דער אָדער יענער אינסטיטוציע, ניט איינמאָל האָט ער געקראָגן געווירלס. סראַלייזער אָבער ווערט ניט נתפעל. שרייט, טומלט, זאָגט אַריין דעם קעגנער אין דער גיבעסטער ריס אַריין, טוט זיינס און — בעסער-ערגער — סוף אויף. ווען ניט סראַלייזער, וואָלט אין זשעטל קיין ת"ת ניט געווען, קיין באָד ניט, קיין מושב-זקנים ניט, קיין יידישער שפּיטאָל ניט א. אַז. וו. צום שפּעטסטן איז אָבער סראַלייזער געווען אין די ביטערע הונגער-צייטן פון 1919—1922, ווען אין זשעטל האָט פונקציאָנירט די אַמעריקאַנער קינדער-קיך און די קיך פאַר דערוואַקסענע פון „דזשוינט"; ווען מען פלעגט טיילן געלט-קליידער, וועש שיך. דאַן פלעגט זיך אָפּט זען סראַלייזערן לויפנדיק איבער די זשעטלער גאַסן, אַ צעפּודלטן, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אין איין צעריסענעם, אַלטן שיך און אין איין לאַסטענעם ווייבערשן קאַלאַש, מיט אַן אָפּגעריסענעם מויל, מיט אַ גאַנצער מחנה טומלדיקע, שרייענדיקע, וויינענדיקע, קלאָגנדיקע ווייבער אַרומגערינגלט — אַלע מיט די פאַרשיידנסטע טענות און פּרעטענזיעס צום „קאָמיטעט" — צו סראַלייזערן...

סראַלייזער האָט שוין די צווייטע ווייב מיט קליינע קינדער און לעבט איצט פון אַ פּאָסטן ביי דער עלעקטראָוועניע. דאָס איז אַזוי די לעצטע פּאָר יאָר. ביז דאַן האָט קיינער קיינמאָל ניט געוואוסט, פון וואַנען ער לעבט, אין ווען, אייגנטלעך, טוט סראַלייזער עפּעס פאַר זיך. קיינער אָבער האָט אים קיינמאָל ניט חושד געווען אין אומערלעכקייט, אין מיסברויכן מיט קהלשע געלט, וועלכע פלעגן זיך ביי אים איבערדרייען אַ היבש ביסל. הגם ער האָט אויך קיינמאָל קיינעם קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, ווי אַזוי ער פלעגט פאַרטאָן דאָס געלט. קיינער האָט דאָס פון אים אויך ניט געפאָדערט. אין זשעטל ווייס מען, אַז סראַלייזער איז אומבאַדינגט ערלעך. סראַלייזער איז געווען און איז איצט דער זייל פון דער אַלטער, אָפּלעבנדיקער זשעטל. די נייע זשעטל שטויסט אים אָפּ אין שאָטן. סראַלייזער לאָזט זיך ניט. ער איז אָבער דאָך ווייט ניט דאָס זעלבע, וואָס געווען. זיין וועלקן — איז דער אונטערגאַנג פון דער אַלטער זשעטל און דער אויפקום פון אַ נייער, יונגער, דעמאָקראַטישער זשעטל.

זשאַמע.

זלמן דוניעץ, באַקאַנט אונטערן נאָמען „זשאַמע", אַ ייד, אַ קרעמער פון קרוב 70 יאָר. פון העכערן וואוקס, גוט געבויט, אַ גרויליך-שוואַרצע באָרד און האָר און שמייכלענדיקע, לעבעדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אַרויס פון אונטער געדיכטע, שוואַרצע ברעמען. דער ערשטער חובב-ציון און דערנאָך „מזרחי" אין זשעטל. אַ אמתער היציקער פּאַנאַטיקער פון מזרחיזם, בכלל פון ישוב אין א"י. כאַפּט אויף יעדע גינסטיקע ידיעה וועגן א"י פון צייטונגען, בריוו און טראָגט עס אונאַנדער צו קעגנער אָדער גלייכגילטיקע, מיט וועלכע ער האַלט זיך אין איין אַרומקריגן. דערגייט אין דעם פּרט צו אַנעקדאָטישקייט. בכלל אַ אמת גוטער, פּשוטער, ערלעכער מענטש און הייסער, איבערגעגעבענער ייד. די קעגנער רייצן אים אָפּט מיט אומגינסטיקע ידיעות פון פּאַלעסטינע. זשאַמע פאַרגעסט ניט ביי אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן זיי אויף זיין אופן. מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָט אים אַ קעגנער, דער זשעטלער בעל-תפילה דוד כייקעס, מקבל-פּנים געווען מיט אַ גיפטיקן שמייכל מיט דער בשורה, אַז דעלפינער

האָט ליקווידירט זיין זייף-פאַבריק אין א"י. זשאַן האָט אים ביטער אַנטוישט און זיך טרויעריק אומגעקערט פון א"י.

מיט א געוויסער צייט צוריק האָט זיך דוד סייקעס אײַנגעכאַפּט אַ נאַכט ביים ערשטן שפּייען פון א גראָזגעריי אין פענסטער. ניט טיים — ניט ... האָט זיך דוד סייקעס א לאָז געטאָן צום פענסטער און זיך אָנגעשטויסן אַן צעלאַכטן, צעטראַלן זשאַמען, וועלכער האָט אים אַרייַנגעשריען אין פּנים אַריין:

הא! דוויקע, א נכבה דיר אין די ביינער אַריין! וואָס ווייסטו איצט זאָגן?

דוד שטייט א צעטומלטער:

— וואָס?

— וואָס?! דו ווייסט ניט?! ווי ער מאַכט זיך דאָס!

— וואָס איז? רעדט!

— דעלטינער האָט צוריק געעפנט זיין זייף-פאַבריק!

— טפו, זאָלט איר ווערן, משוגענער ייד! — האָט דוד אויסגעשפּיגן און אַוועק צוריק שלאָפן, אויסבייטלענדיק אויף זשאַמען אַלע בייזע חלומות.

דאָס איז איינער פון א סך ענלעכע זשאַמע-אַנעקדאָטן.

זשאַמע איז מיט יאָרן צוריק שוין געווען איינמאָל אין א"י. איצט פאָרט ער אַהין אויף באַזעצן זיך, אויף אַן אַרויספאָדערונג פון זיין זון א חלוץ. ער פאָרט אַליין אָן קיין שום מיטלען. דאָס ווייב מיט די קינדער וועלן שפּעטער קענען זיין פאָרן און בלייבן דאָ. זשאַמע אָבער טרייסט זיך, אַז קומען וועלן זיי צו אים.

משה-ראובן מאָרדקאָווסקי.

א גאַנץ פּשוטער ייד א פאַרבער. משה-ראובנע, ווי ער הייסט אין זשעטל, איז דער איינציקער, וואָס איז בלב ונפש איבערגעגעבן די יתומים, און אין זיי מקריב זייער פיל צייט און ענערגיע. ער שטייט בראָש פון יתומים-קאָמיטעט און עזרת-חולים. עס גייט ניט פאַריבער א טאָג, משה-ראובנע זאָל ניט באַזוכן אַלע יתומים, וואָס געפינען זיך אונטער זיין אַפּטרופּסות און השגחה, ווי זיי לעבן, לערנען זיך, אַרבעטן, זאָרגט פאַר זייער פיזישער און מאָראַלישער דערציאונג. זיין איבערגעגעבנקייט, אַן אבת אויטאָריטעטיקע, אירעפּלע, ווערט נעקרוינט מיט ערפאָלג. איז פּאָפּולער אין שטעטל און ווי געהעריק אָפּגעשאַצט.

זשעטל פאַרמאָגט נאָך א גאַנצע ריי פּערזענלעכקייטן, אויף וועלכע מען וואָלט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן בענוי און באַריכות. עס איז פאַראַן אויך, ווי דער זשעטלער עלטער בעל-הבית ר' הערץ-לייב קאַפּלינסקי, וועלכער איז מיט זיין גאַנצן מהות ווייט אַריבערגעוואַקסן זשעטל. שרייבן וועגן זיי אַלעמען וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט. וועגן לעצטן באַזונדערס לאָזט זיך ניט שרייבן אין א קורצער נאָטיץ. ר' הערץ-לייב איז א פּראָטאָטיפּ פון שלום אַשס ר' שלמה נגיד מיט דעם אונטערשייד, וואָס ר' הערץ-לייב איז א ייד א תלמיד-חכם און א בר אורין, און — א געוועזענער גביר, אַן אַלטער זוטלר-כותר, איצט — א יורד.

אַלס זשעטלער קענען פאַררעכנט ווערן בן-אביגדור, וועלכער איז געבאָרן אין דעם שכנותדיקן שטעטל זשעלודאָק. פון דאָרטן האָט זיין פאָטער אביגדור דער רופא זיך איבערגעצויגן קיין זשעטל. אין זשעטל האָט בן-אביגדור געלערנט און זיך אויסגעהאָדעוועט און דאָ האָט ער אויך געמאַכט זיין ערשטן ליטעראַרישן טראָט.

יהושע איזנשטאַט-באַרזילי, געבאָרן אין נעסוויזש. פון 20 יאָר אַלט אין זשעטל אַלס יונגער איידעם ביי א רייכן זשעטלער בעל-הבית. אָפּגעלעבט אין זשעטל א יאָר 30, געפירט געשעפטן, געהאַלטן אויך די זשעטלער באַנק און אַרענדע און געווען פון די גרינדער פון די זשעטלער חובבי-ציון, דערנאָך אַריבערגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, וואו ער איז אויך געשטאָרבן.

אשר שושן. א למדן, באַקאַנטער העבּרעאיסט-קענער, בעל-דקדוק, גלענצנדער קענער פון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, מחבר פון „מעשה שושן" — א ביאור אויף חומש און תנ"ך.

צום סוף וויל איך דערמאָנען דעם ביז גאָר כאַראַקטעריסטישן שטריך אין דעם לעבן פון דער ייִדישער זשעטל. דאָס איז דער הילכיקער פייף פון דער עלעקטרישער סטאַנציע אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט. דער פייף חזרט זיך איבער צוויי מאָל: אויף שליסן די קראָמען און דערנאָך אויף ליכט-בענטשן. דערזעלבער פייף זאָגט אָן די צייט פון ביעור-חמץ ושריפה.

א. איוועניצקי.

סעפּטעמבער 1926.

פון זשעטלער נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט.

ווי באַוואוסט, האָט בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע די באַפעלקערונג פון גאַנצן אָקופּירטן געביט זיך שטאַרק געניטיקט אין „מזון חמרי". אין דער הינזיכט איז זשעטל ניט אָפּגעשטאַנען פון די אַלע איבעריקע שטעט און שטעטלעך פון אָקופּירטן געביט און כ'קען זאָגן, אַז עס האָט זיך נאָך מער געניטיקט צוליב דעם, וואָס דער גאַנצער גרויסגעבער פון שטעטל — דער דייטשער קרייזהויפּטמאַן — איז געווען פון די מענטשן, וועלכע „אומרים הרבה ועושים מעט" און צוליב וועלכע מעלות זיינע האָבן אים די היגע יידן אונטער די אויגן אויף שפּאַס געקרוינט מיט דעם נאָמען „מפליא לעשות". אין דעם ערשטן טאָג פון יעדן חודש פלעגט ער דאַרפן אַרויסגעבן דעם היגן בירגער-קאָמיטעט א באַשטימטע צאָל קאָרן און אַנדערע פּראָדוקטן פאַר דער היגער באַפעלקערונג, לויט דער רעכענונג עס זאָל אויסקומען צו האַלב פונט ברויט טעגלעך אויף א פּערזאָן. נאָר דער דייטש, אַנשטאָט אַרויסגעבן די לעבנספּראָדוקטן דעם ערשטן טאָג פון יעדן חודש, פלעגט ער אָפּציִען עטלעכע טעג און ביים אַרויסגעבן די פּראָדוקטן פלעגט ער ערקלערן, אַז פאַר די עטלעכע איבערגעגאַנגענע טעג וועט ער אַראָפּרעכענען פון די פּראָדוקטן, ווייל די באַפעלקערונג האָט דאָך די צייט איבערגעלעבט, בכן נייטיקט זי זיך שוין ניט אין די פּראָדוקטן. געוויינלעך זיינען די מיטגלידער פון בירגער-קאָמיטעט ניט געווען מסכים אויף אַזא זאַך און עס האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעניש צווישן זיי און דעם קרייזהויפּטמאַן, און דער סוף פלעגט זיין, אַז דער אותו גוי איז פאָרט געווען תקיפער און ער, דער קרייזהויפּטמאַן, פלעגט פאָרט עפּעס אַראָפּדרייען.

דערפאַר אָבער איז די יידישע באַפעלקערונג דאָ געווען זאַט מיט מזון רוחני. עס איז נאָך קיינמאָל דאָ אַזא שטרעבונג צו קולטורעלע ענינים צווישן דער יידישער באַפעלקערונג ניט געווען, ווי אין יענער הונגעריקער צייט. אויסער די פיל דייטשע ביכער און דער ביאַליסטאָקער צייטונג (געדרוקט אין דייטש, פּויליש און יידיש), וועלכע די דייטשע מאַכט האָט געטיילט אומזיסט צווישן דער באַפעלקערונג און וועלכע דער עולם האָט געלייענט מיט גרויס חשק, האָט דאַן די יידישע יוגנט געעפנט צוויי לאָקאַלן, איינער פון דראַמאַטיש-ליטעראַרישן פאַראיין און דער צווייטער פון די ציוניסטן. די מיטגלידער פון דעם ערשטן לאָקאַל זיינען באַשטאַנען מערסטנטייל פון יונגע אַרבעטער, און פון צווייטן לאָקאַל, אויסער די ציוניסטן, כמעט פון די אַלע באַלעבאַטישע איינוואוינער פון שטעטל. ביידע לאָקאַלן האָבן געהאַט זייערע ביבליאָטעקן, פלעגן יעדן אָוונט באַזוכט ווערן פון יידישע לעזער און לעזערינס, וועלכע פלעגן נעמען א היים ביכער צום לייענען אָדער מען פלעגט לייענען דאָרט אויפן אָרט. אויסער דעם, פלעגן דאָרט פאָרקומען פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע דיסקוסיעס ובדומה. איבערהויפּט האָט דער עולם באַזוכט דעם ציוניסטישן לאָקאַל, וועלכער איז געווען אין רעכטן צענטער פון שטאָט. יעדן פרייטאָג צו נאַכטס פלעגן דאָרט פאַרשיידענע רעדנער פון דער היגער אינטעליגענץ האַלטן רעפעראַטן וועגן אַלערליי לעבנספראַגן, דער עיקר וועגן ציוניזם, און פאַרענדיקן דעם אָוונט פלעגט דער שרייבער פון די שורות, וועלכער פלעגט פאָרלייענען פאַרן עולם אייגענע אין יידיש-פאַרפאַסטע שירים געשריבן אין א הומאָריסטישער שפּראַך. יעדן שבת צו נאַכטס פלעגט פאָרקומען אין לאָקאַל א קעסטל-אָוונט. די פירער פון ציוניסטישן לאָקאַל פלעגן נאָך אַרויסגעבן וועכנטלעך א געשריבענעם זשורנאַל אונטער דעם נאָמען „החבר" מיט ליטעראַרישע אַרטיקלען און שירים אין העברעאיש און יידיש. דאָרט איז אויך געווען א הומאָריסטישע אָפּטיילונג אין יידיש. אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָט זיך מערסטנטייל אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן אין דער אָקופּאַציע-צייט. צוליב טעכנישע טעמים איז דער „חבר" אַרויסגעגעבן געוואָרן אין איין עקזעמפּלאַר און מען פלעגט אים אין לאָקאַל פאָרלייענען פאַרן פּובליקום. אין א שרפה, וואָס איז אַנטשטאַנען בעת די פּוילישע מאַכט איז שוין דאָ געווען, זיינען פאַרברענט געוואָרן די אַלע נומערן פון „החבר" און מיט זיי אויך די שטרעבונג פון דער היגער יוגנטשאַפט צום קולטורעלן לעבן, ווייל פון דעמאָלט אָן זיינען בטל געוואָרן די לאָקאַלן און די היגע יוגנט זאָרגט איצט ווייניק וואָס וועגן זייער צוריקשטעלונג.

* * *

אונזער שטעטל, אויסער דעם וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן דאָקטוירים און אינזשינערן (די ברידער נאַמיאָט), האָט אויך אַרויסגעגעבן מחברים פון ספרי השכלה און מוסר און זשורנאַליסטן. צו די משכילים האָבן געהערט מנחם מענדיל טערלינסקי (דער שוויגערפאָטער פון ביאַליסטאָקער ליטעראַט פּסח קאַפּלאַן), וועלכער איז הי געווען א צייט יאָרן א לערער, נאָכדעם איז ער אַרויסגעפאָרן אין לאָדז און אויסער לערערײַ האָט ער זיך אויך באַשעפטיקט מיט ליטעראַטור; אברהם בן-אביגדור פאַלקאָוויטש; יהושע איזנשטאַט-ברזילי.

פון די פּראַקטישע מחברים איז דאָ געווען איינער א געוויסער אשר ווריכנעס (שושן). זיין פרוי ווריכנע איז געווען אַן אשת חיל. זי האָט אַליין געפירט איר קראָם און די אכסניה און דער מאַן איז געווען א יושב אוהלניק. ער פלעגט טאָגנריק זיצן אין בית-המדרש איבערן בלאַט גמרא און דערצו האָט ער גוט געקענט דעם תנ"ך און די

אלע ספרי דקדוק. ער האט געהאט א נאמען פאר א גרויסן „בעל מדקדק". אויף די עלטערע יארן איז ער געווארן א מלמד. מיט זיינע תלמידים האט ער געלערנט דקדוק און תנ״ך, וועלכן ער האט פארטייטשט מיט אייגענע פשטלעך. קורץ פאר זיין טויט האט ער ארויסגעגעבן א ספר אונטער דעם נאמען „מעשה שושן" באורים והערות על תנ״ך.

נאך מער פאר אים האט זיך אין אונזער שטעטל אויסגעצייכנט מיט זיינע חבורים פאניע דער מחבר (נתנאל פאצאווסקי). ער איז געווען א מקרא דרדקי מלמד. אין די עלטערע יארן האט ער זיך גענומען צום שרייבן ספרי מוסר. פון זיי איז די באוואוסטסטע „מסיבת נפש" און „אמונת התחיה" (וועגן תחית המתים). דערצו איז ער אויך געווארן א מגיד און איז ארומגעפארן איבער פארשיידענע שטעטלעך, וואו ער האט געזאגט אין די בתי־מדרשים הייסע דרשות, אין וועלכע ער האט געמוסרט דעם עולם און דערבײַ פלעגט ער פארקויפן זיינע ספרים, וועלכע דער המון האט געקויפט מיט גרויס חשק, און אין פיל שטעטלעך האבן זאגאר בעלי־מלאכות געגרינדעט חברות צו לערנען אין די קלויזן בין מנחה למעריב דעם „מסיבת נפש". ער איז געשטארבן הי פארן קריג.

זיינער א ברודער מיכל דאנטיסקי (פאצאווסקי) איז אויך געווען א מקרא דרדקי מלמד. ער האט זיך איבערגעגעבן צום לערנען ספרי קבלה, פון וועלכע ער האט געהאט א היפשע ביבליאטעק. א צייט מיט יארן האט ער מחבר געווען און געשריבן אין א פיינער קאליגראפישער שריפט אין האלב רונדע שורות ספרי קבלה, נאר צוליב פרומקייט האט ער ניט באוויזן פאר זיין לעבן זיי אפדרוקן און זיי זיינען ערגעץ פארבליבן.

* * *

צווישן די 4 זקנים, וואס זיינען פאראן אין אונזער שטעטל: מאיר דער רעליזאנט (ארלינסקי, 100 יאר אלט), בערע דער סטאלער (גאמיאס), נח אליהו דער מלמד (לעווים) און אריה דער קלעזמער (לעווים), וועלכע האבן אן עין־הרע גאנצע דורות פון זין, טעכטער, שנירן, איידעמס, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, פארדינט די אויפמערקזאמקייט דער לעצטער פון זיי.

אריה איז איצט א בן תשעים וחמש. ער איז נאך מיט אלע חושים און זעט אים ניט אלט. אויסער קלעזמעריי באשעפטיקט ער זיך אויך מיט מוליארקע. כמעט אלע היגע מויערן האט ער אויסגעבויט און האט אין זיי אויוועלעך געמאכט. ער טוט נאך איצט אויך די מוליארקע אזוי ווי אין די יונגע יארן און שפילט אויך אויף חתונות. ביים באזעצן דער כלה אדער פירן איר צו דער חופה שפילט ער נאך היינט אויך מיט א פרישקייט און א געפיל אויפן פידל דיזעלבע ניגונימלעך, וועלכע ער האט געשפילט מיט 75 אדער 80 יאר צוריק און הערנדיק זיי, פארגעסט מען זיך ניט ווילנדיק אויף א ווײַלע פון דעם איצטיקן קריזיס און מען דערמאנט זיך אן די אלטע, גוטע צייטן.

ער פארשטייט אויך די צוויגעריסענע קלעזמער־שפראך*), וועלכע האט זיך אירע אייגנארטיקע אויסדרוקן. [צום ביישפיל: א סאלדאט רופט זיך „א מענטש", א היטל „קאסרע", פייס „ספיאכע", א שנאפס „ליאמע", א מיידל „שיכטאע", א כלה „לאקמענע", א ווייבל „קאיצמבטע". זיי האבן זאגאר גאנצע אויסדרוקן, למשל: „די קאיעמטע כיליעט ניט אין שיתיי" (דאס ווייבל גייט ניט אין מקוה) און נאך אזעלכע].

יוסף וויניעצקי **).

נאוועמבער 1926.

זשעטל

אריה דער קלעזמער

(אין יאר 1929 אלט 98 יאר. שפילט אויף דער פידעלע ווי געווען און פארנעמט זיך מיט מולארקע און טעפעריי).

---

*) פארגלייך שלום־עליכם'ס „סטעמפעניו", קאפיטל III. רעד.

**) ה' יוסף וויניעצקי, דער מחבר פון דעם ארטיקל (געשטארבן אין יאר 1929 אין עלטער פון איבער 60) האט געהערט צו די זשעטלער מערקווירדיקסטע טיפן. די לעצטע יארן געלעבט פון א ירושה פון אן אמעריקאנער שוועסטער. צוליב דער דאזיקער ירושה טאקע האט ער אויף די עלטערע יארן מיט דער הילף פון ווערטערביכער אליין זיך צוזאמענגעשריבן אויף ענגליש מיטן אמעריקאנער געריכט, אדוואקאטן א. אז. וו. און האט זיינס אויסגעפירט. ביז דער ירושה האט ער געלעבט פון שרייבן „פראשעניעס", אדרעסן וכדומה. האט איבערגעזעצט קרילאוון אויף יידיש און געוויזן זיין „ווערק" אייניקע יידישע ליטעראטן אויף מבינות און אפילו געפארן צוליב דעם קיין ווארשע אין ליטעראטן־פאראיין אריין. ארויסגעגעבן האט ער די איבערזעצונג ניט.

בכלל איז ער געווען א ייד אן אפגעזונדערטער, א גרויסער אריגינאל, מאטעריעל איינגאנצן אומאפהענגיק.

אין זשעטל איז ער חוץ דעם געווען באקאנט מיט זיין גרויסן מארטירערטום פארן קלארנעט, אויף וועלכן ער האט „געשפילט" א יאר פינף און צוואנציק און האט ביזן לעצטן טאג געלאזט הערן זיין קול אלע פארנאכט איבערן גאנצן מארק, וואו ער האט געוואוינט אין אן אייגענעם מויערל. ער איז נאך געווען באקאנט מיט זיין גרויסער ליבע צום וועלאסיפעד. איז געווען אן אלטער טוער פון דער זשעטלער „פאזשארנער קאמאנדע". האט זיך גערעכנט אלס א גרויסער „זשעטלקענער".

זשעטלער פאלקלאר.

צונעמעניש. צונעמענישן ווערן געגעבן אין זשעטל אין גאר א גרויסן מאסשטאב, דהיינו: יאשע דער הארטער: צוליב זיין עקשנות. משה'קע דער קינדערמאכער: א שוסטער, וואס האט זיך פארנומען דורכאויס מיט קינדערשע שיכלעך, אגב, געבענטשט מיט א סך קינדער און קינדערלעך. חיים אבדזשיראק: בירושה פון טאטן. ברוך־מרדכי דער קיסר: פון פאך א שוסטער. דערנאך א שמש פון אלטן בית־מדרש. אן אלטער ייד, שטאלטיק, מיט א פיינער, גרויסער באָרד. האלט זיך קארעקט, מיט וועלנסאוערס, גארניט ווי א קליינשטעטלדיקער שמש, אדער ארעמער שוסטער, וואס ער איז געווען. די קינדער הייסן — פון דער קיסערשער פאמיליע. הערש די בארז: א שוסטער ייד א מעלער מיט א לאנגער, גרויסער, גרויער בארד. געשטארבן. זשדקע די מאמע. הערצל — די באבע, דערוועלבער — די מיידל. א סאג־ארבעטער. צוליב זיין דערמאנען אפט די באבע. די מיידל — צוליב זיין שעמעוודיקייט. ארעלע טאפ־קאטשע. לייזער די באמבע. משה דער נאס: פאר זיין שטייפקייט און גרויסע זעלבסטשאצונג. די געסער: צוויי ברידער צייכענען זיך אויס מיט דיזעלבע מדות. ישיע די קאץ און א גאנצע פאמיליע פון צונעמעניש די קעצעלעך. חיים דער פוקס. יאסל דער פישער. בערל שמאלץ. חיים־לייזער די לאך — ווען ער האט זיך אויסגערופן אלס חזן אין בית־המדרש האט אים די כלה פון ווייבערשן בית־המדרש געזאגט, בי ער זאגט איר דורכן לאך, אויף וואס ער האט געענטפערט — יע.

„דער פוסטער פאראסטשיק", „דער טשאלנס־סאפ", „דוד המלך", „וואזשע מיט די וואנצן", „שמעון באק", „משה קאזיאל", „דוד דער ענריק", „די בארסוקעס", „די סקוראלאפעס", „דער אקס", „דער סמארטוואזניק", „דער קריפניק", „דער סניק", „די קוריצע", „פליס", „די רייושע", „די סמאלצאווע", „חנה די נייע" און פיל אנדערע.

צונעמענישן, מיט וועלכע די זשעטלער רופן אן די איינוואוינער פון די ארומיקע שטעט: „לידער פיאניצעס", „ביעליצער גנבים", „סלאנימער גראנים", „קאזלאווסטשינער ציגן", „דווארעצער קישקעס", „מייטשעטער זויערמילך".

שפריכווערטער. „ער איז א „שמעיה בעל פרנסה" (א קונה הכל), „ביי איב אויף חתונה זיינען געוועזן „הערנעלע משיוזיקס, יאסעלע פיוזיקס" (ד. ה. ניט אזעלכע מיוחסים), „פרעמען זום יויך", קיס אבעלע דעם גלן, וועט זיך דיר ווייסער

וועלן", „ער איז אויך ניט פון די צוויי א דרייער", „גא ווי א בענדע", „האק שמאיע אויף דאס ניי", „ער איז אן אריינאן מיט א טארבע פלעקער", „א מעשה אן אן עק, א קווארט אן א דעק", „געלעגט ווי אין דרערד", „געפיאסן ווי אין קאנלויטשטשיונע" (א קליין שטעטעלע ביי זשעטל), „פארפאלן ווי אין א גענזישע לאך", „מעגסט צושפרינגען ווערן ווי א בארג", „ער איז אבער אויך ניט יאטקע דוראק", „א קאץ איז געפלויגן איבערן דאך און געלייגט אן איי" (ניט קיין ריכטיקע מעשה), „ווען טשוועקעס וועלן בליען", „דאס זנאטשעט ביי אים ווי ביי א פערד א פירושקע", „ער האט אזא דעה ווי ליבקע ביי קהל", „ער זעט אויס ווי א קאץ אן א פארטעך", „דאס איז מיר א כפרה פון האלאווילי קיין זעלווע" (א דערפל ביי זשעטל אין קעגנזייטיקן ריכטונג פון זעלווע), „ער זעט אויס נמיך נגרוו, ווי א הינט אין קראפעווע", „קוש א בער אונטערן עק".

ווערטלעך. אין זשעטל האבן זיך איינגעבירגערט אייניקע ווייסרוסישע פאלקס־ווערטלעך, וועלכע קענען פאררעכנט ווערן צוליב זייער אפטן געברויך צום יידישן פאלקלאר. אט זיינען אייניקע:

זאוואלי דאראהו — א פערזאן, וואס פארנעמט אומזיסט, אומנוציק, אן ארט, א פלאץ א. אז. וו. גייט ניט אוועק און לאזט קיין אנדערן ניט צו.

סוואיא טערמיאזקא ניע טשאזשקא (אייגענע טערמיקע איז ניט שווער) — אן אייגענע זאך איז ניט שווער. דאס ווערט, דער עיקר, באנוצט בנוגע קינדער.

טעשטע הארק פאמיאר — (נאך ערנער ווי געשטארבן) א איראניע. דער זין — ניטא וואס צו פארלירן.

ניע ראי זאך מוזשיקו מאנאם ביט — אנגעווענדט אומעטום, אויך ביי אונז.

מאיא ריעליא סיעליאטשיע — מאדיעאו דא אי כליעוו (מיין עסק איז א קעלבערנער — ציגעניסן און — אין שטאל). ווערט גענוצט בנוגע א נישטיקן מענטשן, וואס איז גלייכגילטיק אדער האט ניט קיין פארשטענדעניש פאר געזעלשאפטלעכע אדער בכלל גייסטיקע ענינים.

ארטיקע שפראך־אויסדרוקן. פאי מיר טוט ווי — אנשטאט: ס׳טוט מיר ווי. אייזנשעק — תוכן אייזן־קלוג — זייער קלוג א. אז. וו. צובוסשקעס — צעקלאפט ייד. ביזקל — ביז. אנשטאט ביז, זאגט מען ביזקל.

א מיידל, א ווייבל — קאנאסטע (פאלקס־לשון).

א נאר — פרייטאג־פארנאכטיקער, טינטער.

א פלויזיטעל (אנגעשטעלטער) איז געגליכן צו א ווארגע, וואס שפרינגט פון א חזיר אויף א חזיר.

ס׳א דאגה — ביז נייע בולבע וועסטו, וועל איך דערציען.

א ישיבה־בחור איז געגליכן צו בולבע: וואס מען וויל מאכט מען פון אים.

קללות. מיטן קאפ אין דרערד, מיט די פיס אין קלויסטער.

* * *

שמחת־תורה זאגט דער חזן „אין באלהינו" אויף יידיש, און דער עולם זאגט נאך דעם אריגינעלן טעקסט.

ערב יום־כפור און ערב הושענא־רבא איז אין זשעטל א מנהג צו עסן פירעזשקעס.

אלקעניק

(א שטעטל מיט לעגענדעס).

1.

די שטעטל „וואלקעניק", אדער ווי מ׳רופט איר איצט „אלקעניק"*) איז זייער אן אלטע שטעטל. אויף איר גרויסן בית־עולם, וואס געפינט זיך הינטערן שטעטל, זיינען פאראן מצבות נאך פון ש״ן 1590.

אלקעניק איז ווייט פון ווילנע 59 קילאמעטער און געהערט צו ווילנער־טראקער קרייז, ווילנער וואיעוואדסטווע.

אמאל האט זי אויך געהערט צום ווילנער גליל, און דער לעצטער רב פון ווילנע ר׳ שמואל איז דארטן געווען גליל־רב.

אין שטאט געפינט זיך נאך עד־היום אן אלטער פנקס, אין וועלכן אייניקע תקנות זיינען נאך פארשריבן אייגנהענטיק פון ר׳ שמואל מיט זיין אונטערשריפט פון יאר תקמ״א (1781). צווישן די פיל תקנות איז פאראן, למשל, א תקנה, אז ווען איינער מאכט זיך א נייעם בגד, איז ער מחויב א פראצענט פון די קאסטן פון נייעם בגד געבן אויף דער חברה „גמילות חסד", אויף צו דינגען מלמדים פאר ארימע קינדער צו לערנער מיט זיי. עס איז געווען א חרם אויפן שניידער, אז ער טאר ניט ארויסגעבן דעם בגד, ביז וואנען דער בעל־הבית צאלט ניט איין דעם פראצענט אויף דער חברה.

אין פנקס געפינט זיך אויך א דאקומענט וועגן דער איבערבויאונג פון דער אלטער שול, פון יאר תקס״א (1801).

אין שטעטל גייט אויך ארום א לעגענדע צווישן די זקנים, אז איינמאל איז דער רב ר׳ שמואל געגאנגען שפאצירן און אלקעניק מיטן ווילנער גאון ר׳ אליהו. קומענדיק אויפן בריק פון דער מערעטשאנקע, האט זיך אפגערופן דער גאון צו ר׳ שמואלן און געזאגט, אז אלע פיש כמעט האט ער שוין געזען, נאר איין פיש (דעם לאקס) וואלט ער נאך וועלן זען. ווי דער גאון האט עס נאר אויסגערעדט, איז דער פיש גלייך ארויסגעשפרונגען אויף דעם איבערפלאך פון וואסער, און דער גאון האט אים גוט באטראכט.

אין אלקעניק געפינט זיך אן אלטע הילצערנע וואונדערבארע שול*), פון די איינציקע אין פוילן מיט אירע שיינע שניצונגען און ארכיטעקטור. זי איז איבערגעבויט געווארן אין יאר תקס״א (1801) דורך די קינסטלער ר׳ ברוכי און זיין ברודער גרשון.

וועגן דער ראדיקער שול זיינען פאראן זייער פיל לעגענדעס. אייניקע פון זיי וועל איך דא ברענגען.

אין שול איז דא א וואונדערבארער ארון־קודש, וואס אין די טירלעך זיינע איז געמאכט געווארן א לוח ביזן סוף אלף הששי, מיט די מולדות, קביעות א. אז. וו. ווי אויך א ביאור אין א באזונדערן מעכאניזם, ווי אזוי אנשטעלן דעם לוח. דער לוח איז פארפאסט פון ר׳ יעקב ב״ר שלמה מראסיין.

דער ארון־קודש איז אויך באצירט ביי די זייטן מיט פיל פארשיידענע שניצונגען: בלומען, הירשלעך, טויבן און לייבלעך, פון אינמיטן א לויתן, וואס האלט דעם עק אין מויל. דערנאך האלטן צוויי לייבן די לוחות און אויף זייערע קעפ א קרוין מיט די ווערטער „כתר תורה". דערנאך דער בארג סיני. נאכן בארג סיני, הענט פון א כהן צום דוכנען, און אויבן א קרוין מיט די ווערטער „כתר כהונה". דערנאך א גרויסער אדלער, וועלכער האלט אין איין האנט א לולב, און אין דער אנדערער אן אתרוג, און אויף זיינע 2 קעפ האלט ער א קרוין מיט די ווערטער „כתר מלכות", און אינמיטן לעבן די פליגלען די ווערטער „שויתי ה׳ לנגדי תמיד".

אויבן מזרח־וואנט רעכטס לעבן ארון־קודש געפינט זיך נאך אן אויסגעשניצטער „שויתי" מיט צוויי לייבעלעך ביי די זייטן, און אינמיטן פיל פארשיידענע פסוקים, י״ג מדות התורה, י״ג עקרים, אויך פארשיידענע שמות פון ספרי קבלה און זהר. מ׳זאגט, אז דאס איז א מין קמיע, א סגולה צו א שרפה. אין שטעטל איז שוין פארגעקומען פיל שרפות, די גאנצע שטעטל איז אראפ, און די שול איז געבליבן גאנץ.

מען דערציילט אויך, אז איין לייבעלע פון „שויתי" האט געמאכט דער מייסטער, וועלכער האט געשניצט דעם ארון־קודש, דעם אנדערן לייבעלע האט געמאכט זיין געהילף.

אז דער מייסטער האט געהאלטן ביים שטארבן, האט ער פארבעטן די פרנסים פון קהילה און זיי געזאגט פארן טויט, אז דער, וואס וועט מאכן דעם צווייטן לייבעלע ריכטיק ווי דעם ערשטן, דעם זאל מען אויך ערלויבן צו מאכן די בימה. און עס האט זיך זיין געהילף איינגעגעבן צו מאכן דעם צווייטן לייבעלע פינקטלעך ווי דעם ערשטן, און דעריבער האט ער געהאט די זכיה צו מאכן די בימה, וועלכע איז אויך א גרויסע קונסטווערק, מיט איר ארכיטעקטור, זעלטענע שניצונגען, מיט אירע שיינע געבויגענע ארקען, און מיט אירע הויכע 8 זיילן. אויבן שפיץ פון דער בימה שטייט א גרויסער פוילישער אדלער. אין איבערן בימה אין דער הייך לעבן באלקן געפינט זיך א גאלעריי, אויף וועלכער מען גייט ארויף דורך שווינדל־טרעפ. שמחת־תורה צו די הקפות פלעגן ארויסגיין אהין דער חזן מיט די משוררים, וועלכע פלעגן זינגען זייער שיינע נגונים, און דער

---

*) אויף ליטוויש הייסט זי „וואלקעניקאס", אויף פויליש „אלקעניקי", דאסזעלבע אויף רוסיש. ס׳גייט ארום א לעגענדע ביי די זקנים, אז דעריבער הייסט זי „אלקעניק", ווייל אמאל האט דא געוואוינט א קעניג און די שטאט איז געווען א פעסטונגס־פלאץ. די ארומיקע דערפער זיינען עס גאסן, פארשטעטלעך, וואו עס האבן געוואוינט אין יעדער איינער באזונדערע מינים בעלי־מלאכות, ווי שניידער, שוסטער, שמידן און עד־היום הייסן אזוי אנדערע דערבייאיקע דערפער ווי „פארני־קאוואלי" א. אז. וו.

*) די פאטאגראפיעס פון דער שול געפינען זיך אין מוזיי פון דער ווילנער היסט.־עטנאגר. געזעלשאפט.

אין דער „יעוור. ענציקלאפ." באנד XII זיינען רעפראדוצירט: דער אויסערלעכער אויסזע פון דער שול, די בימה, דער ארון־קודש און דער ערכת. רעד.

גאנצער עולם פלעגט טאנצן מיט די ספרי תורות מיט גרויס שמחה.

דעם ארון־קודש האט מנדב געווען ר׳ יוסף ב״ר טוביה מליפון ואשתו דבורה ספר א מקום אויפן בית־עולם פאר זייער טאכטער חיה. וועגן ר׳ יוסף מליפון דערציילט מען, אז ער איז געווען א גרויסער עושר. ער האט געהאלטן אין ארענדע א קרעטשמע ביים פריץ לעבן ליפון, און געהאט ביי די איבעריקע פריצים פון יענעם געגנט אויך גרויס חן צוליב פאלגנדער געשיכטע:

איינמאל האט זיין פריץ צונויפגערופן אלע פריצים פון זיין געגנט אויף יאגד ביי זיך אין די וועלדער. האט זיך געמאכט, אז איין גרויסן בער האט קיינער פון זיי ניט געקענט כאפן. מען האט עס דערציילט דעם ארענדאר. איז ער ארויס אין דעם בער גלייך דערשאסן. פון דעמאלט אן האבן אים אלע פריצים זייער ליב געקראגן און אים אנגעטרויט אלע זייערע געשעפטן, פון וואס ער איז געווארן זייער רייך. ער איז טאקע געווען א גרויסער גבור, א היכער, ממש א ריז. אויסער זיינע עשירות, איז ער אויך געווען א גרויסער בעל־צדקה און זיך מחותן געווען מיט גרויסן יחוס.

אויף דער אנדערער מזרח־זייט לינקס געפינט זיך אן אלטער גרויסער מעשענער טאץ אויסגעהאמערט מיט זיינע בלומען און ארץ־ישראלדיקע פרות, ווי אויך 2 רערן אויף אריינצושטעלן אין זיי ליכט.

אויפן כותל איבערן ארון־קודש געפינט זיך א בילד פון א פאלאץ. וועגן דעם בילד דערציילט מען פאלגנדעס: דער פריץ פון שטעטל גראף גראבאווסקי האט געשאנקען געהילף אויף אויסצובויען די שול, האט ער דעריבער געוואלט מען זאל דארט אויסהענגען זיין בילד. נאר אזוי ווי א בילד טאר מען דאך אין א שול ניט אויסהענגען, האט מען אויסגעמאלט אויפן כותל זיין פאלאץ.

מען דערציילט אויך, אז דערזעלבער פריץ פלעגט אפט אויפשטיין פארטאג און טרייבן די יידן פון זיין גוט אין שול אריין דאווענען.

דעם הייכן סופיט האלטן אויף זייערע קאפ 4 דיקע זיילן, אויף וועלכע עס זיינען אנגעשריבן פארשיידענע תפלות. אויף איינעם פון די זיילן געפינט זיך אויך זייער אן אלטער בלעך מיט א פוילישן אדלער און מיט פארשיידענע תפלות.

אויף דער מעריב־וואנט לעבן טיר צום ארויסגאנג איז אנגעשריבן דער „אני מאמין" פון רמב״ם.

אויף דער אנדערער זייט פון דער מעריב־וואנט לעבן טיר איז אנגעמאלט אויף שווארץ „זכר לחרבן" ווי אויך איז אנגעשריבן די „ברכת אבלים". עס איז דארט א מנהג עד היום, אז פאר „מזמור ליום השבת" קומען די אבלים אריין אין שול, זעצן זיך אויף א באנק לעבן דער דרויסיקער וואנט, און די גאנצע שול מתפללים גייט זיי מקבל פנים זיין און זאגן די „ברכת אבלים".

אין צפון־וואנט פון דער שול געפינט זיך א מילה־טיר פון עזרת־נשים, ווייל עס איז אמאל געווען א מנהג, אז אלע בריתן פלעגן פארקומען אין שול. דורך יענער טיר פלעגט ברענגען די יולדת מיטן ילד צום ברית. איבערן טיר איז אנגעשריבן די ווערטער „ברוך הבא". אין שול געפינט זיך נאך עד היום אן אלטער „כסא של אליהו". אין שול שטייען נאך עד היום אנטקעגן דער מזרח־וואנט צוויי „זאמד־טישן", אויף וועלכע עס געפינט זיך א קאסטן מיט זאמד, וואו מען באהאלט די „ערלות" פון די בריתן. די טישן באנוצט מען אויך יום־כפור אויף אריינצושטעלן דארט די גרויסע נשמה־ליכט. דארט געפינט זיך אן אלטע חופה געמאכט פון א פרכת.

אין שול געפינט זיך אויך אן אלטער פרכה, וועגן וועלכן מען דערציילט פאלגנדע געשיכטע: אין יאר 1812, ווען עס איז פארגעקומען די פראנצויזיש־רוסישע מלחמה, האט נאפאלעאן מיט זיין סוויטע דורכגעריטן אלקעניק. דערזעענדיק די וואונדערבארע שול, איז ער זייער נתפעל געווארן און געזאגט: איך וויל לאזן דער שול א מתנה. נאר היות ווי ער האט ביי זיך גארניט געהאט, האט ער פון זיין זאטל ארונטערגענומען דעם דיוואן און געהייסן מאכן דערפון א פרכת. אויפן פרכת איז אויסגענייט מיט גאלד און זילבער 4 קרוינען, און אין די קרוינען איז אויסגענייט די ווערטער מיט גאלד „גלא־יא פאטריע", ד. ה. צום רום פון פאטערלאנד.

ס׳זיינען אויך אויסגענייט מיט גאלד און זילבער פארשיידענע כלי־מלחמה, ווי א פאן א. אז. וו. ווי אויך מוזיקאלישע אינסטרומענטן. ס׳איז אויך געווען אויסגענייט מיט גאלדענע אותיות דאס ווארט „נאפאלעאן". נאר איינער פון די באזוכער האט עס אראפגעגנבעט.

דעם פרכת האט די צארישע מאכט שוין פיל מאל געוואלט ארויסנעמען, נאר דאנק די מסירת־נפש פון דעם אלטן שמש ר׳ הירש־מאיר ראבין איז דער פרכת איינגעהיט געווארן ביז היינטיקן טאג.

דער שטאט־שמש ר׳ הירש־מאיר איז געווען ביז יאר תרפ״ח אויך קאזיאנער ראבינער. די ביידע שטעלעס איז אים איבערגעגאנגען בירושה פון זיין פאטער. זיין זיידע איז געווען דער קיידאנער עלוי הקדוש ר׳ אברהם אליעזר און עלטערער ברודער פון געוועזענעם ירושלמער רב ר׳ שמואל סאלאנט ז״ל. איינמאל ערב פסח איז ער געגאנגען טובלען כלים אין טייך, האט זיך איינגעבראכן דער אייז און ער איז דערטרונקען געווארן. זיין מצבה פון יאר תקצ״א געפינט זיך אויפן בית־עולם.

אין שול געפינען זיך אויך 2 מעשענע הענגלייכטער מיט אדלערס, אויך פארשיידענע שיינע קאנדעליאברעס.

גרויסע מחלוקות האבן אויסגעבראכן אין אלקעניק אין די צייטן פון רב ר׳ אבא יוסף.

הרב ר׳ אבא יוסף ב״ר עוזר הכהן טריווש ז״ל איז א חוץ א גרויסער למדן אויך געווען א מקובל און א ספרא־רבא, און זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע מדות טובות. ער איז געווען א גרויסער יחסן. זיין שלשלת היחס איז דערגאנגען ביז רש״י. ער איז געווען א ברודער פון מפורסמדיקן ווילקיער רב ר׳ הלל דוד הכהן טריווש, רעדאקטאר פון רבנישן מאסף „המסגה".

מ׳האט אים אפגעזאגט פון רבנות צוליב פאלגנדער געשיכטע: די חברה קדישא האט ווי איר מנהג איז ט״ו בכסלו געמאכט א גרויסע סעודה. לויט דער טראדיציע האט מען דערלאנגט צו דער סעודה א טייגעכץ געבאקס אויף שמאלץ. די שמאלץ איז געווען געבראכט פון ווילנע. ביי דער סעודה האט זיך דערוועקט א ספק, צי די שמאלץ איז גענוג געזאלצן געווארן. אז מען האט ביים רב געפרעגט די שאלה, האט ער מתיר געמאכט.

דעם רבס שונאים האבן דאס אויסגענוצט, און אנגעהויבן א גרויסע מחלוקות קעגן אים, זאגנדיק, אז ער האט מאכיל טרפות געווען. די מחלוקת איז געווען אזוי גרויס, אז איינער א בעל־הבית איז געלאפן צום רב און אים געוואלט שטעכן. נאר לויפנדיק איז ער געפאלן און האט צעבראכן א פוס, און איז געבליבן א קאליקער אויפן גאנצן לעבן.

דאך האט זיך דאס שטעטל ניט בארואיקט. דער צד שכנגד האט גענומען נאך א רב, כדי

אים יורד לחיו זיין, צונעמען ביי אים די חיונה. לכתחילה האט אפילו קיין רב ניט געוואלט גיין. נאר דערנאך האט זיך געפונען איינער א פרוש, אבער ער איז אויך דארט קיין צייט ניט געווען.

דער צד שכנגד האט אויך געשיקט א שליח מיוחד וועגן דעם צו ר׳ יצחק־אלחנן, קאוונער רב. ר׳ יצחק אלחנן האט געפסקנט די שאלה, אזוי ווי דער רב. דאך האבן די שונאים אים אנגעטאן זייער פיל נגישות. מען דערציילט, איינמאל האט ער געהאט „יארצייט" און געמאכט א מנין, איז אריינגעקומען איינער פון זיינע שונאים און אנגעהויבן צו שרייען: „מיט דעם מאכיל־טרפותניק וועט איר דאווענען צוזאמען". זיינען אלע אוועק און ער איז געבליבן איינער אליין. עס איז אבער אוועק א קורצע צייט, און ביי דעם דאזיקן שונא זיינען אויסגעשטארבן אלע קינדער, און ער איז געבליבן איינער אליין. אין שטעטל האט עס געמאכט זייער א גרויסן רושם, און אלע האבן דערזען, אז זיי זיינען אומגערעכט.

דער רב אליין, האט אויך ניט גערוט. געשיקט שאלות ותשובות צו די גרעסטע רבנים, ביז וואנען ער האט באקומען א תשובה פון די גרעסטע גאונים, אז די שמאלץ איז „כשר". דער רב האט די תשובות אנגעקלעפט אויף א טאוול און אויסגעהאנגען אין שיל. דאן זיינען שוין אלע צוגעלאפן צום רב בעטן, אז ער זאל זיי מוחל זיין. דער רב האט געענטפערט, אז ער איז זיי מוחל. און האט געזאגט, אז ער האט מערניט געוואלט ארויסנעמען דעם חשד פון זיך, אז ער האט חלילה מאכיל טרפות געווען. איצט, וויבאלד דער חשד איז שוין אראפ, וויל ער שוין ביי זיי מער קיין רב ניט זיין, און איז אוועק פון שטעטל, און זיך באזעצט אין ווילנע, און דארט זיין לעצטע ביסל יארן פארבראכט אין ריבארסקע קלויז על התורה ועל העבודה. ער איז נפטר געווארן דורך פאלגנדער סיבה: שבת זיצנדיק ביים לערנען, האט ער זיך א שאקל געטאן, איז אראפגעפאלן אויף אים א ברענענדיקער לאמפ. איז ער דערפון קראנק געווארן און געשטארבן. פון אים זיינען פארבליבן געדרוקטע ספרים*).

נאך דער מחלוקות בערך אין יאר תרל״ד איז אנגעקומען פאר א רב אין אלקעניק ר׳ יעקב ב״ר שמריהו לעווין, וועלכער איז געזעסן על כסא־הרבנות אין אלקעניק איבער 50 יאר. ער איז געווען ביי אלעמען זייער באליבט, און איז נפטר געווארן אין ירושלים אין יאר תרפ״ז, אין עלטער פון 88 יאר. נאך אים זיינען פארבליבן פיל כתבי־יד אין הלכה און אגדה.

II.

אין שטעטל געפינען זיך בערך 200 משפחות יידן. דאס זעלבע צאל ניט יידן. די באציאונגען צווישן די יידן און ניט יידן זיינען ניט קיין שלעכטע. כמעט אלע יידן האבן אייגענע הייזער אויף אייגענער ערד. די זעלבע צאל הייזער האבן אויך ניט יידן. אלע הייזער זיינען הילצערנע, אויסער דריי מויערן.

די שטאט איז צעטיילט אין 10 גאסן, וועלכע עס שניידן דורך 2 טייכן און 2 בריקן. איין טייך הייסט מערעטשאנקע, וואס פאלט אריין ביי דער שטעטל מערעטש (אין ליטע) אין ניעמאן. דער צווייטער טייך הייסט גאליזא, וואס פאלט אריין אין דער מערעטשאנקע. הינטערן שטאט געפינט זיך נאך א טייך, זי הייסט כאיבע, און די יידן

---

*) די מעשה מיט טייגעכץ האט א. בוקערמאן פארעפנטלעכט אין „השחר" פון די יארן תרל״ג, תרל״ד, אונטער די נעמען „זבחי מתים" „זבחי ריב".

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

רופן זי שיריק, ווייל זי קומט זיך צונויף מיט די אויבנדערמאנטע 2 טייכן, אזוי ווי א קורוק.

ניט ווייט פון די טייכן געפינט זיך א גרויסער סאסנאוויער וואלד, וועלכער רינגלט ארום כמעט די גאנצע שטאט.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס אלקעניק פארמאגט 3 טייכן און א וואלד, דאך איז די פאבריקאציע זייער א קליינע. איבער איין טעקסטיל־פאבריק, וואו עס ארבעטן 130 ניט־יידן און 31 יידן. דערין 25 שווארצע־ארבעטער און 6 אין דער אדמיניסטראציע.

ס׳זיינען פאראן אויך 2 סערפענטיניצע־יידישע מיט א 10 ארבעטער ניט־יידן, 2 זאוואדן פון כעלצער־וואכער יידישע, און ביי א 15 בעקעריען פון חלה און ווייסנברויט, איינער פון שווארץ־ברויט, אויך 2 וואסער־מילן: איין יידישער, דער אנדערער ניט קיין יידישער. פאר דער מלחמה איז אויך געווען א גרויסער טארטאק מיט א מיל, נאר פארן צעטרעטן האבן די רוסן אים אויסגע־ריכן מיט דינאמיט, און אים חרוב געמאכט.

ביזן יאר 1928 האבן אויך ביי א 30 פאמיליעס געלעבט פון וואלד־מסחר. נאר איצט צוליב עטאטיזם זיינען די יידן געבליבן אן פרנסה.

דאס רוב מסחר פון שטעטל באשטייט איצט פון בשמים־קרעמלעך, בערך ביי 30, אין וועלכע עס געפינען זיך סחירה מכל המינים ווי: עסנווארג, אייזנווארג, געציר א. או. וו.

חוץ די בשמים־קרעמלעך זיינען פאראן 15 מאניפאקטור־געשעפטן, אין איינע פון זיי געפינט זיך אויך כובווארג, ווי אויך אן אפטייק און אן אפטייק־סקלאד, ביידע יידישע.

פאר דער מלחמה איז דער פדיון אין שטעטל געווען נישקשהדיק, ווייל אלקעניק האט געהאט א גרויסע סביבה, נאר איצט צוליב דער אנעקסייאונג פון דער ליטווישער מלוכה וועלכע געפינט זיך בערך 11 ווייארסט פון אלקעניק, איז די סביבה א סך פארקלענערט געווארן. דער הויפט־פדיון איז פון מארק, וועלכער קומט פאר יעדן דינסטאג. עס פארן זיך צונויף פויערים, וועלכע ברענגען אויסער קעז, פראדוקטן, אויך תבואה, בהמות, פערד א. ד. גל. מען לייזט אויך אין די זונטאגס, ווען עס פארן זיך צונויף פיל פויערים אין גרויסן קלויסטער, וואס געפינט זיך אין מיטן שטאט לעבן מארק.

זומער איז אויך פאראן פדיון פון די דאטשני־קעס. עס קומען זיך צונויף דאס רוב סלאבע ישיבה־בחורים פון די ישיבות „מיר“ און „ראדין“, צוזאמען מיט זייערע ראשי־ישיבות, צו ערהוילן זיך אין גרויסן און טרוקענעם סאסנאווען וואלד.

בעלי־מלאכות געפינען זיך אין אלקעניק פאלגנדע: 20 שוסטער יידישע, 10 ניט־יידישע, 5 שניידער, 5 גלאזערס יידן, ניט־יידן 3, 6 טישלערס, 1 בלעכער, 2 קירזשנער, 1 איינבינדער, 1 שטיינקריצער, 1 זאקנשטריקער, 3 גלעזער, 18 שמידן, 5 שטעפער, 25 שניידערקעס און נייטערקעס, 2 פריזירער, 2 קארבעלניקעס, 1 סעמער, 4 פורמאנעס, וואס פארן צום סטאנציע מיט פאסאזשירן (די סטאנציע איז ווייט פון שטעטל 8 ווייארסט) און 5 פורמאנעס, וועלכע פארן אין ווילנע, ברענגען סחורה פאר די קרעמער.

דאס רוב בעלי־מלאכות האלטן לערניינגלעך.

אין שטעטל געפינען זיך אויך 2 פארשניקעס, 10 שאמערעס, וועלכע זיינען באשעפטיקט אין די דערבייאיקע וועלדער, 4 פאדריאטשיקעס, וועלכע שטעלן צו פראדוקטן פארן טאלק פון דער פוילישער גרעניץ־וואך ביי דער ליטווישער גרעניץ.

איינער האלט אן אויטא, וואס קורסירט איין מאל אין טאג קיין ווילנע און צוריק.

עס געפינען זיך אויך 5 בלי־זמרים מפורסמים אין גאנצן געגנט. איינער פון זיי איז אויך א בדחן. די בלי־זמרים ווערן באניצט אויף יידישע חתונות אין דער גאנצער סביבה, ווי אויך אויף קריסטלעכע חתונות.

די יידישע חופות, קומען פאר אין שטעטל אלעמאל לעבן דער אלטער שול.

ווייטער זיינען פאראן אין אלקעניק 2 שוחטים, איינער פון זיי איז אויך שטאט־חזן.

III.

אין שטעטל געפינט זיך א גמינע. די ראטמענער זיינען 14 קריסטן און 2 יידן. ווי אויך א יידישע קהילה, וועלכע באשטייט פון 8 פרנסים ביזן רב אלס 9־טן. צו דער קהילה געהערן אויך די קאלאניעס דעקשנע, לייפון און די כצאנציע ארען. די וואלן זיינען פארגעקומען דעם 1־טן נאוועמבער 1928 *).

צו דער קהילה געהערט איבער די פליישקאראבקע, וועלכע טראגט אריין הכנסה בערך 70 זלאטעס וועכנטלעך, אויך די הייוון, וועלכע טראגט אריין דאס זעלבע. נאר די הייוון האט מען איבערגעגעבן דעם רב, ווייל כל־זמן די קהילה מאגט נאך ניט אין קיין שטייערן, האט מען עס געמוזט איבערגעבן דעם רב אויף שכירות. דער רב באקומט אויסער די הייוון אויך 3 דאלאר וועכנטלעך במזומן.

די אינסטיטוציעס, וועלכע געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער קהילה, זיינען פאלגנדע: דער בית המדרש, די שול, „הכנסת אורחים“, „בקור חולים“, „לינת הצדק“, חברה־קדישא, פייערלעשער, חדרים, די ישיבה קטנה א. א.

די פלענערע זיצונג פון דער קהילה קומט פאר איינמאל אין חודש.

די מעטריקאציע־ביכער פירט דער רב.

אט איז די סטאטיסטיק פון די געבורטן און פטירות לויט די ביכער:

געבורטן: אין יאר 1926 — מענער 12, פרויען 7; אין 1927 — מענער 12, פרויען 14; אין 1928 — מענער 14, פרויען 5.

פטירות: אין יאר 1926 — 4 מענער, פרויען 4 **); אין 1927 — מענער 3, פרויען 7; אין 1928 — מענער 4, פרויען 7.

בכלל איז אלקעניק א געזונטע שטעטל. די נפטרים זיינען אלע כמעט אין טיפן עלטער, דאס רוב איבער די 60־ציקער און 70־ציקער.

חתונות ***): אין יאר 1926 — 7; אין 1927 — 4; אין 1928 — 6.

אין שטעטל געפינט זיך א קאאפעראטיווע באנק, געגרינדעט אין יאר 1906. אין מלחמה־צייט איז זי בטל געווארן און באנייט געווארן אין יאר 1921.

די באנק איז אפן אויף איינקאסא א גאנצע וואך, און הלוואות ווערן ארויסגעגעבן — 1 מאל אין וואך יעדן דינסטאג. מיטגלידער אין באנק זיינען פאראן 234, דאס רוב לוים זיינען קרעמער און האנטווערקער. אין שטעטל געפינט זיך אויך א גמילות־חסד, געגרינדעט אין יאר 1926 און סובסידירט דורך „יעקאפא“. מיטגלידער פארמאגט דער גמילות־חסד 277, צווישן זיי 86 האנטווערקער, 87 קליינהענדלער, 3 ערד־ארבעטער, 18 אומבאשטימטע באשעפטיקונג, 33 פרויען. הלוואות מאקסימום 100 זל., מינימום 60 זל. דער גמ״ח געפינט זיך אין דער דירה פון באנק, און גיט ארויס הלוואות יעדן מאנטאג פון 6 ביז 9 אוונט. מיטן גמ״ח באנוצט זיך די גאנצע שטעטל.

אין שטעטל געפינט זיך אויך א ביבליאטעק, וועלכע איז געגרינדעט געווארן נאך אין יאר 1908. אין מלחמה־צייט איז זי בטל געווארן. די ביכער האבן זיך געוואלגערט ביי יחידים. ערשט אין יאר 1918 האט מען איר אויפסניי געעפנט. דערנאך איז זי ווייטער פארמאכט געווארן. אין יאר 1927 איז זי לעגאליזירט געווארן דורך „ווילביג“. די ביבליאטעק פארמאגט ביכער: העברעאישע 530, דערין אויך פיל קינדער־ליטעראטור, יידישע ביכער 560 און רוסישע 150. לעזער 60, דאס רוב יוגנט און שילער. לייען־געלט 70 גראשן פאר דערוואקסענע און 50 גראשן פאר שילער. ערבות־געלט — 4 זל. זי איז אפן 2 מאל אין וואך: מאנטאג און דאנערשטאג פון 6 ביז 8. הכנסה האט די ביבליאטעק פון פארשטעלונגען, רעפעראטן, לייען־געלט א. א. ביי דער ביבליאטעק געפינט זיך אויך א לייען־זאל און א דראמאטישער קרייז, וועלכער באשטייט פון 15 פערזאן.

אין שטעטל איז אויך דא אן אפטיילונג פון ווילנער „ווילביג“, געגרינדעט אין יאר 1927.

אין שטעטל געפינט זיך א רעליגיעזער חדר, לעגאליזירט פון מרכז „חורב“, וואו עס לערנען זיך בערך 60 קינדער, איינגעטיילט אין א מכינה און 4 גרופעס מיט 3 לערער. די למודים קומען פאר אין דער עזרת־נשים פון בית־המדרש און פון דער אלטער שול.

אין דער פוילישער „פאוושעכנע“ שול לערנען זיך בערך 20 מיידלעך. שבת ווערן זיי פון די למודים באפרייט.

פון דער עלטערער יוגנט באזוכן א 10 פערזאן די ווילנער גימנאזיעס, 2 דעם העברעאישן לערער־סעמינאר, 1 דעם אוניווערסיטעט און בערך 20 — די ישיבות פון מיר און ראדין.

עס איז אויך דא א ישיבה קטנה מיט 20 תלמידים און 2 ראשי־ישיבות, ווי אויך 4 פרעמדע בחורים, וועלכע לערנען אין בית־מדרש, און ווערן אויסגעהאלטן דורך די בעלי־בתים פון שטעטל.

אין שטעטל געפינט זיך אויך א פייער־לעשער־קאמאנדע מיט פיל מכשירים. צווישן די מיטגלידער זיינען פאראן ביי א 20 יידן, דאס רוב בחורים, די זעלבע צאל ניט יידן. דער נאטשאלניק איז א ייד, אן אינוואליד. ער איז א פארהייראטער און פירט א בראנפן־געשעפט.

עס געפינט זיך אויך א פאסט מיט א טעלעגראף און א טעלעפאן. אין שטעטל איז פאראן א קריסטלעכער שפיטאל, וואו עס זיינען באשעפטיקט א דאקטאר און אקושערקע, ביידע ניט יידן. אנהייב יאר 1929 האט זיך געעפנט אן אפטיילונג פון ווילנער קראנקן־קאסע, ביי וועלכע עס זיינען אנגעשטעלט א חוץ די אויבנדערמאנטע דאקטאר און אקושערקע, אויך א יידישע צאן־דאקטארין.

פון די אלטע מוסדות, אויסער די וואונדערבארע שול, געפינט זיך נאך אין אלקעניק אן

---

*) דער ערשטער ועד־הקהל איז אויסגעקליבן געווארן דעם 28־טן יאנואר 1921. קעגן וועלכן די אלטע גבאים האבן געפירט א קאמף, נאר זיי האבן ניט אויסגעפירט.

**) דערפון איין זעלבסטמארד פון א מיידל, 26 יאר אלט, צוליב אן אומהיילבארער קראנקייט.

***) דאס רוב חתונות זיינען פארגעקומען אין די יונגע יארן פאר 25 יאר.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

אַלטער בית מדרש, וועלכער איז פאַרברענט געוואָרן אין יאָר תרנ"ה און איז אָפּגעבויט געוואָרן אין יאָר תרנ"ו, ווי אויך אַ בקור-חולים, געגרינדעט אין יאָר תר"ן. דער בקור-חולים גיט פריי די חולאים רפואות אומזיסט. ער פאַרמאָגט אויך אַן אייז-קעלער און אַנדערע היל-מכשירים, ווי סענכערס, וואַנעס א. ד. ג. ער צאָלט אין שפּיטאָל פאַר אָרעמע קראַנקע, אויך אין ווילנער „מספרת-חולים" א. אַ. וו.

אין יאָר 1928 איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ „לינת-צדק", וועלכער ווערט אָנגעפירט דורך פרויען. דער „לינת-צדק" שיקט מענטשן אויף צו נעכטיקן און אַכסונג געבן אויף שווערע חולאים.

אין אַלקעניק געפינט זיך אויך אַן אַלטער הכנסת-אורחים, מיט אַן אייגענעם בנין, וואו אורחים געפינען אַ נאַכטלעגער, ווי אויך אַ מרחץ מיט אַ מקוה, וועלכער ווערט איצטער איבערגעבויט. דער מרחץ ווערט געהייצט איינמאָל אין 2 וואָכן, די מקוה, צוליב רעליגיעזע טעמים 2 מאָל אין וואָך: דינסטאָג און פרייטאָג. מרחץ-געלט — 50 גראָשן. ס'עקזיסטירן אויך אַן אַלטע „חברה-קדישא", וועלכע ציילט 30 חברים, אַ „חברה ש"ס" מיט אַ פּאָר מנינים לערנער. דאָסזעלבע אויך אַ „חברה משניות" מיט אַ פּאָר מנינים לערנער. ס'זיינען נאָך פאַראַן: אַ חברה „עין יעקב", „חברה תהלים". ווי אויך אַ „חברה פועלים", געגרינדעט בערך מיט אַ יאָר 60 צוריק, וועלכע געפינט זיך אין אַ באַזונדערע שטיבל, לעבן בית מדרש מיט אַ באַזונדערן רבי, אַ בעל-הבית אַן געצאָלט.

פון די יוגנט-חברות, איז פאַראַן אַ „ועדה לקרן קימת", וועלכע שיקט אַלע חודש אַ היפּשן סכום פאַרן „קרן קימת". עס איז פאַראַן אויך אַ ציוניסטישער יוגנט-קרייז, וואָס ציילט 40 חברים. עס ווערן איינגעאָרדנט רעפעראַטן, מ'פאַרשפּרייט שקלים און עס ווערן דורכגעפירט די אַלע איבעריקע ציוניסטישע אַרבעטן.

פריער האָט אויך עקזיסטירט אַ „צעירי-ציון", אַ „החלוץ", וועלכער האָט צוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל 25 חלוצים, יונגע לייט, און אויך אַ פּאָר משפחות. איצט איז דער „החלוץ" בטל געוואָרן.

בכלל איז אַלקעניק זייער אַן איידעלע און פרומע שטעטל, מיט פיל אַלטע טראַדיציעס און גרויסע לומדים, אפילו בעלי-עגלות קענען דאָרט גוט לערנען. אַ מאָל איז דאָרט אויך געווען אַ מקים-תורה; אַ קבוץ פון פרושים פון קאָווענער כולל, ווי אויך אַ קבוץ פון בחורים, וועלכער האָט געציילט בערך 40 בחורים. איצט איז אויך דער בית מדרש אינדערפרי פול מיט מתפללים. 4 מנינים אין דערפרי, איינע נאָך די אַנדערע, און פאַרנאַכט זיצן 3 באַזונדערע פולע טישן, וואו מען לערנט ש"ס, משניות, עין יעקב, חיי אדם א. אַ. וו.

די שטעטל איז אַ מאָל אויך געווען גאַנץ פעסט אין מעמד, נאָר צוליב דער וועלט-מלחמה, ווי אויך צוליב דער בייטענישן פון די מאַכטן, ווען אַלע ווינטן צולאָזן אין ווילנע און פון זייער האָב און גוטס איז געוואָרן אַ באַרג אַש. און אויך איצט צוליב די גרויסע שטייערן, איז דאָס שטעטל זייער פאַראָרעמט געוואָרן.

די שטעטל האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ריי ווייכטיקע פּערזאָנען ווי: פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער, ר' אברהם-מענדל גרינבוים (געווען אַ צייט שבּאַס-מגיד אין לאָדז), מחבר פון ספר „אור היהדות" אויף דרוש א. אַ.

אין שטעטל געפינען זיך פיל זקנים און זקנות איבער די אַכציקער. פיל פון די זקנים קריגן שטיצע פון אַמעריקע. פיל פון דער יוגנט, ניט האָבנדיק, וואָס צו טאָן, עמיגרירן, פריער (אין יאָר 1924) קיין ארץ-ישראל און אַרגענטינע, איצט קיין בראַזיליע.

די שטעטל האָט אויך איר שטאָט-שוטה. דאָס איז אַ בחור פון אַ יאָר 25, וואָס ווי דער פּראַגער גולם איבט ער טאָג און נאַכט, טראָגט ער וואַסער פאַר גאַנץ שטעטל וכדומה.

די שטעטל האָט איר אייגענעם פאָלקלאָר. אירע איינוואוינער רופט מען „אַלקעניקער רעטעכע גאָנדעס", ווייל אַלקעניק געפינט זיך אויף אַ זאַמדיקן באָדן, וואו עס וואַקסט גוט מערנס ווי בריקעס, פון וועלכע מ'מאַכט רעטעכענע גאָנדעס *). זי האָט באַזונדערע מאכלים, ווי „וואַרעניקעס", וואָס ווערן געמאַכט פון רעטעכענע מעל אָנגעפילט מיט קעז. דער מאכל ווערט געמאַכט דאָס רוב אויף שבת צו שלש-סעודות. שמחת-תורה ווערט געפּראַוועט אַ צימעס פון קיילעכדיקע שטיקלעך מערן, און דער צימעס ווערט גערופן „אַרעגדלעך צימעס" א. אַז. וו.

IV.

דריי ווייאָרסט פון אַלקעניק געפינט זיך די ייִדישע קאָלאָניע דעקשנע. זי געהערט צו אַלקעניקער גמינע, טראָקער קרייז, ווילנער וואָיעוואָדסטווע. זי באַשטייט בערך פון 35 משפחות (86 מענער און 93 פרויען), הייזער 35 אייגענע, ערד 878 דעסיאַטין. אין דער קאָלאָניע געפינען זיך אויך 4 קריסטן, וועלכע וואוינען אין ייִדישע הייזער, און פאַרדינגען זיך ביי ייִדישע קאָלאָניסטן צו דער ערד-אַרבעט. די ערד, ווי אויך די לאַנקעס אויף פּאַשע, וועלכע זיי רופן „פּרצות" האָבן זיי באַקומען נאָך אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן. די ערד איז זייער אַ מאָגערע, אַזוי, אַז די קאָלאָניסטן מוזן אָנקומען אויך צו אַנדערע פּרנסות. דאָרט ביי די קאָלאָניסטן האַלטן זיך אויף שוין פון נאָך פאַר דער מלחמה ביי 50 משוגעים, וואָס די קרובים צאָלן פאַר זיי פון 60 ביז 90 זלאָטעס אַ חודש, פון וועלכע די קאָלאָניסטן ציען זייער חיונה. די רואיקערע משוגעים באַנוצן זיי אויך צו זייער ערד-אַרבעט.

אין קאָלאָניע געפינען זיך 2 שמידן, 1 שוסטער, 1 סנײדער, וועלכע באַאַרבעטן אַליין אויך די ערד.

די קאָלאָניע באַקומט פון צייט צו צייט קרעדיטן פון יק"א, לעצטנס הלוואות אויף בינסטאָקן, ווי אויך אויף פאַרשיידענע פעדערנע מכשירים צו דער ערד-אַרבעט. זיי פאַרמאָגן אַלע צו 2 בהמות און מערער, ווי אויך פערד. עס איז זייער פיין צו זען, ווי קליינע ייִנגלעך לויפן זיך גאַלאָפּירנדיק אויף די פערד, זינגענדיק דערביי פיינע ניגונים, ווי אויך ווי יונגע פרײלינס און בחורים שטייען אין פעלד און אַרבעטן מיט גרויס פלייס, זינגענדיק דערביי ייִדישע לידער.

איניקע קינדער פון די קאָלאָניסטן לערנען זיך אין ווילנע, איינער אין גימנאַזיע, 1 אין ישיבה, איינער אין באַראַנאָוויטש אין קבוץ.

אין קאָלאָניע געפינט זיך אַ גרויסער בית-מדרש און אַ שוחט-מוהל, וועלכער לערנט מיט די קאָלאָניסטן אינדערפרי נאָכן דאַווענען משניות און בין מנחה למעריב „עין יעקב", און אַ גאַנצן טאָג איז ער אַ מלמד מיט אַ 10 קאָלאָניסטישע קינדער. ער לערנט מיט זיי חומש, גמרא א. אַ. קיין באַזונדער רב האָט דעקשנע קיינמאָל ניט געהאַט, ווייל זי געהערט צו אַלקעניק.

פיל פון די יונגע קאָלאָניסטן האָבן עמיגרירט. נאָר די עלטערע זיצן אויף אָן אָרט. אַנדערע באַקומען אויך שטיצע פון אַמעריקע.

בכלל מאַכט דער ייִדישער דאָרף זייער אַ גוטן רושם מיט דער שיינקייט פון די הייזער, ווי אויך מיט דער זויבערקייט און ריינקייט פון אומעטום: אין גאַס און אין שטוב.

די קאָלאָניסטן זיינען שטאַרק פרום. אפילו די יונגע קומען אויך צום דאַווענען, וואָס אַמאָל איז דאָס זיי אפילו אַ ביסל אַ שטער אין דער אַרבעט.

קיין מרחץ און קיין מקוה איז אין קאָלאָניע ניטאָ און זיי באַנוצן זיך מיט די אַלקעניקער.

ניט ווייט פון דעקשנע (ביי 5 ווייאָרסט) געפינט זיך נאָך אַ ייִדישע קאָלאָניע לײסון, וועלכע באַשטייט פון אַ 25 משפחות-קאָלאָניסטן. די קאָלאָניסטן וואוינען אין בויערשע הײזלעך מיט שטרויענע דעכער. די ערד איז זייער אַ שלעכטע, און זיי לעבן זייער אָרעם.

אין דער קאָלאָניע געפינט זיך אַ שוחט, אַ בית-מדרש און אַ מרחץ מיט אַ מקוה.

ניט ווייט פון אַלקעניק איז דאָ נאָך אַ קאָלאָניע „פּאַנאַסישאָק", וועלכע באַשטייט פון אַ צוואַנציק משפחות-קאָלאָניסטן. נאָר איצט געהערן זי צו ליטע.

חייקל לונסקי.

יולי, 1929.

---

*) אַזוינע נעמען האָבן אויך די אַרומיקע שטעטלעך ווי, למשל „אָראַנער מתים" צוליב די אַמאָליקע פריזיוו-עגינים, איישישקער „קאַצאַפּעס", „גויסש-שטעקלעך", ווייל דאָרט זיינען פאַראַן פיל פערד-הענדלער מיט בייטשן א. אַז. וו.

ר א ק אָ ו ו

(אַ שטעטל ביים גרעניץ).

ראַקאָוו (ביי אָלעכנאָוויטש) האָט פאַר דער מלחמה געשט'ם ווייט אַרום מיט איר אינדוסטריע פון ערד-אַרבעטס-מאַשינען און סעפּעראַטאָרן, פון וועלכע כמעט די גאַנצע שטעטל, האָט דירעקט צי אינדירעקט געצויגן חיונה. עטלעכע פאַבריקן, וועלכע האָבן באַשעפטיקט צענדליקער אַרבעטער, האָבן יאָר-יערלעך אויסגעאַרבעט הונדערטער דרעש-מאַשינעס, האַרבעס, מאַשינעס צום שניידן שטרוי א. אַ. אַרום זיי פלעגן געפינען אַרבעט אין באַשעפטיקונג שמידן, מאַליאַרעס, אייזן-קרעמער, וואָיאַזשאָרן און אַנדערע. די וואָיאַזשאָרן פלעגן אַרומפאָרן איבער דער ברייטער רוסלאַנד, און פאַרקויפן די אויסגעאַרבעטע מאַשינעס אין מינסקער, וויטעבסקער, פּעטערבורגער, סמאָלענסקער און מאָהילעווער גובערניעס. די וואָיאַזשאָרן פלעגן אַרבעטן אויפן אייגענעם חשבון, די אייגנהאַבער פון די פאַבריקן פלעגן זיי צושטעלן די מאַשינעס פראַנקאַ. 2 מאָל אַ יאָר: ר"ח ניסן און פאַר ראש-השנה פלעגן זיי זיך אומקערן פון וועג אויף דעם מאָנאַט פון יום-טוב מיט גראָבע בוימס „אַסיגנאַציעס", פלעגן זיך פונאַנדערצאָלן מיט די פאַבריקאַנטן, די לעצטע פלעגן זיך פונאַנדעררעכענען מיט די אַרבעטער און קרעמער פאַרן גאַנצן האַלב יאָר. די איינוואוינער, וועלכע פלעגן זיך אויף דעם קוים דערוואַרטן, לײַדנדיק פון אַ גרויסן מאַנגל אין געלט, פלעגן אָפּלעבן, יעדערער פלעגט ליקווידיר-

זיינע אָנגעקליבענע חיבורים, און צינדרייסן זיך אַ יו"ט לויט זיין חשבון, כדי אויף נאָך יו"ט ווייטער אָנהייבן גאַרן. די וואָכעשאַרן, ווי אויך די פֿאַבריקאַנטן און אַרבעטער האָבן זיך גערופֿן בדרך כלל: „מעכאַניקער". און געוויינלעך זיינען די פֿאַבריקאַנטן מיט די וואָכעשאַרן געווען די רייכסטע בעלי־בתּים פֿון שטעטל, פֿלעגן אויסהאַלטן און אָנפֿירן מיט אינסטיטוציעס, נעמען אַ ברייטע דעה, און די איבעריקע איינוואוינער פֿון שטעטל האָבן זיך מיט זיי זייער שטאַרק גערעכנט.

אין אַ קלענערן מאַסשטאַב איז ביי אונז געווען אַנטוויקלט די צווייטע פּראָדוקציע: די טעפּעריי, ד. ה. די אויסאַרבעטונג פֿון ליימענע כלים און ציגל. חוץ דעם וואָס צו מזרח פֿון ראַקאָוו געפֿינט זיך אויף אַ גרויסן שטח ליימיקע ערד, האָט זיך אין ראַקאָוו פֿון יאָרן לאַנג געפֿינען אַ סך הערנעס און ציגעלניעס, ביי וועלכע ס'זיינען אויך באַשעפֿטיקט געווען אַ גרויסע צאָל איינוואוינער פֿון שטעטל. די אויסגעאַרבעטע ליימענע כלים און ציגל פֿלעגן אויך עקספּאָרטירט ווערן אויף צענדליקער וויאָרסטעס ווייט און פֿלעגן דערגרייכן ביז באָברויסק און סמאָליענסק. ביידע אינדוסטריעס האָבן זיך געפֿינען כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט. צוליב דער גרויסער צאָל פֿאַבריקן האָט אונזער שטעטל פֿאַרמאָגט פֿאַרהעלטניסמעסיק אַ גרויסע צאָל אַרבעטער, וועלכע זיינען ביז אין מיטן די ניינציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט געווען אָרגאַניזירט אין אַזוינע „פֿאַראיינען" ווי: תהלים־לערנער, תהלים־זאָגער; די מער „אויפֿגעקלערטע" — אין ספּאַך־קרייזלעך אָדער אין דער חבת־ציון־באַוועגונג. די אָרגאַניזירונג אין די איבערגערעכנטע פֿאַראיינען און קרייזלעך האָט זיי ניט געשטערט צו אַרבעטן צו 15 און מערער שעה אין מעת־לעת.

די ערשטע כוואַליעס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס האָבן גלייך אַריינגעצויגן אין שטראָם די ראַקאָווער אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ שטאַרקער אַרבעטער־פּאַרטיי. גלייך האָבן זיי אָנגעהויבן זייער קאַמף מיט אַדורכפֿירן שטרייקן, און גאָר גיך זיך איינגעקעמפֿט: אַ סך קירצערן אַרבעטס־טאָג, מיט פֿיל בעסערע באַדינגונגען. אויך אויפֿן קולטורעלן געביט האָבן זיי פֿיל דערגרייכט, גרינדנדיק נאָך אין יאָר 1902, אין דער צייט ווען אין אַלע שטעטלעך אַרום האָט נאָך געהערשט אַ געדיכטע פֿינצטערניש, אַ גוט אויסגעשטעלטע ביבליאָטעק, וועלכע פֿונקציאָנירט נאָך מיט גרויס ערפֿאָלג ביז היינטיקן טאָג. דאַקעגן האָבן די בירגערלעכע ראַקאָווער איינוואוינער, אין דער בליענדסטער צייט, ניט געקענט פֿאַר נייטיק צו גרינדן אַ וועלכע ניט איז קולטורעלע אינסטיטוציע. די רייכע פֿלעגן די טעכטער שיקן אין דעם נאָענטסטן מינסק צו באַקומען בילדונג, און די זין פֿלעגט מען ביז 13 יאָר האַלטן אין חדר און נאָכדעם צונעמען צו דעם אייגענעם פֿאַך. דורכדעם זיינען ביי אונז די פֿרויען געווען מער געלערנט און אַנטוויקלט, ווי די מענער.

די וועלט־מלחמה האָט געבראַכט אַ פֿולשטענדיקן חורבן פֿאַר אונזער אינדוסטריע. די גוטסבאַזיצער און רייכערע פּויערים האָבן אויפֿגעהערט איינצוקויפֿן די מאַשינעס. אַ גרויסער טייל פֿון די מעכאַניקער און מעסטער זיינען אָדער מאָבילוזירט געוואָרן, אָדער צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, די פֿאַבריקלעך האָבן זיך געמוזט פֿאַרמאַכן איינע נאָך דער אַנדערער, אַזוי אַז ביי היינטיקן טאָג איז פֿאַרבליבן נאָר איינע, וועלכע שטעלט צו די מאַשינעס בלויז אין דער נאָענטסטער סביבה. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער אויסאַרבעטונג פֿון די ליימענע כלים.

דער דאָזיקער נייער מצב האָט זיך קאַטאַסטראָפֿאַל אָפּגערופֿן אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון דער ראַקאָווער יידישער באַפֿעלקערונג. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער ספּעציעלער גורל, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אויף ראַקאָוו אין דער צייט פֿון דער מלחמה, אַלס דורכגאַנגס־פּונקט פֿאַר די מגורשים און היימלאָזע.

געפּייניקטע, אומברחמנות פֿאַרטריבענע אין משך פֿון 24 שעה פֿון זייערע איינגעזעסענע פֿון דורות־לאַנג ערטער, פֿאַריאָגטע, פֿאַרשפּיגנטע, איבערלאָזנדיק אויף הפֿקר זייער האָב און גוטס, האָבן זיך די היימלאָזע געלאָזן צו מזרח, פֿאַרזייענדיק יעדן שטח פֿון זייער דורכציאונג מיט קבֿרים פֿון זייערע קראַנקע, שוואַכע און פֿאַרמאַטערטע, געפֿאַלענע פֿון הונגער און עפּידעמיעס. ראַקאָוו, ליגנדיק אויפֿן אָקס־וועג צווישן די פֿראָנט־געביטן און מזרח־רוסלאַנד, האָט דורך אירע דאָרע, כּבֿאַלע געסעלעך דורכגעלאָזן זייער אַ גרויסע צאָל פֿון די היימלאָזע. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן מיטגעפֿיל האָבן זיך די ראַקאָווער איינוואוינער געטיילט מיט די אומגליקלעכע ברידער דעם לעצטן ביסן ברויט און מלבוש. די היימלאָזע, רייכער מאַכנדיק דעם גרויסן ראַקאָווער בית־עולם, האָבן אויך איינגעשטעלט פֿאַר ראַקאָוו צענדליקער משפּחות פֿון די שוואַכערע און אָרעמערע, אַ סך פֿון וועלכע ס'זיינען פֿאַרבליבן אין ראַקאָוו ביז היינטיקן טאָג, און אַזוי אַרום נאָך אָרימער און שוואַכער געמאַכט די ראַקאָווער יידישע באַפֿעלקערונג. פֿאַר די היימלאָזע איז דאַן אין ראַקאָוו אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הילפֿס־קאָמיטעט, וועלכער האָט, באַקומענדיק באַדייטנדע סובסידיעס פֿון דעם ערשט דאַן געגרינדעטן „יעקאָפּאָ", ווי אויך פֿון רויטן קרייץ און פֿון אַנדערע הילפֿס־געזעלשאַפֿטן, האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט צו העלפֿן די אומגליקלעכע פֿאַרטריבענע.

נאָכן שליסן דעם פּויליש־סאָוועטישן שלום, האָט דעם מזל געוואָלט, אַז ראַקאָוו זאָל בלייבן אַ גרעניץ־שטעטל און איבערלעבן איבערגעוויינלעך זיסע חלומות און ביטערע אַנטוישונגען.

ליגנדיק ווייט פֿון אייזנבאַן, נאָך ווייטער פֿון אַ שאָסיי, ביי אַ געוואַלדיק שלעכטער אָקס־וועג, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן מיט לאַנגע געדיכטע וועלדער, און איבערנוצנדיק וואָס די ערשטע צייט איז די שמירה אויף ביידע זייטן גרעניץ געווען זייער שוואַך געוואָרגן, האָט די ראַקאָווער אַזוינערויסטע אונטערוועלט אָנגעהויבן אַ געהיימען שמוגל פֿון סחורה קיין ראַטן־רוסלאַנד. וועלכע האָט זיך אין דעם שטאַרק געניטיקט און פֿאַר וועלכע זיי פֿלעגן באַקומען „תורה", ד. ה. גאָלדענע מטבעות און טייערע חפֿצים, פּוטער־ווערג, בריליאַנטן. אויף אַזאַ אופֿן איז ראַקאָוו אויף אַ געוויסער צייט געוואָרן אַ שטעטל פֿון „גרויסע סוחרים", מיט גראָבע געלטער פֿלעגן זיי שטענדיק פֿאָרן קיין ווילנע און וואַרשע פֿאַרקויפֿן און איינקויפֿן סחורה און „לעבן אַ גוטן טאָג". דער שמוגל האָט אַ פּאָר יאָר שטאַרק איינגעהאַלטן דעם עקאָנאָמישן מצב פֿון שטעטל, נאָר דערנאָך שטאַרק דעמאָראַליזירט די באַפֿעלקערונג. אַ גרויסער טייל קרעמער האָבן פֿאַרלאָרן זייערע קראָמען, די האַנטווערקער — די וואַרשטאַטן, וועלכע זיינען פֿאַרנומען געוואָרן דורך ציסעליקע פֿרעמדע, אָנגעזאַרענע.

דער ווילדער כאָאָס האָט געהאַלטן ביזן יאָר 1924, ווען די ראַד האָט זיך פּלוצלונג אַ דריי געטאָן אויף צוריק און האָט געגעבן אַזאַ מעכטיקן קלאַפּ, אַז ראַקאָוו איז אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן. די גרעניץ־וואַך איז אויף ביידע זייטן איינגעשטעלט געוואָרן נאָרמאַל, די גרינגע פּרנסה

זיינען צוועק מיטן ווינט און מיטן רויך. די ראַקאָווער מנחה־מעגורלס, וועלכע האָבן אין די גאָלדענע יאָרן אַרויסגעצויגן אויף זיך פֿעטע קאַרקן, פֿיטמענע פֿוטערס, קאַראַקולענע זשאַקעטן און בריליאַנטענע פֿינגערלעך זיינען פֿאַרבליבן ווי נאָך אַ זיסן חלום, ווען מען דערפֿילט מיט אַ מאָל די שרעקלעכע ווירקלעכקייט. מען האָט אָנגעהויבן צו קאָנפֿיסקירן אַ „סעקל" נאָך אַ „סעקל" און וועלנדיק אַרויסראַטעווען די אָנגעניכענע, פֿלעגט מען שיקן אַלץ גרעסערע און גרעסערע, בען האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרקויפֿן פֿריער די אָנגעקליבענע טייערע חפֿצים און מלבושים, נאָכהער די אייגענע לעצטע בעבעכעס און אַלץ געשטעלט אויף קאָן. נאָר דער מזל האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעקערט, ווייט פֿאַרלאָזן, די גאָלדענע פֿייגעלע איז פֿאַרשוואונדן. צוריק אומקערן זיך צו די פֿאַרלאָזענע און דורך אַנדערע פֿאַרנומענע וואַרשטאַטן און קרעמלעך איז שוין אָנגעקומען שווער. אַבער קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען און צווי האָט זיך אויסגעבויט אַ קרעמל אויף אַ קרעמל, אַ וואַרשטאַט אויף אַ וואַרשטאַט.

פֿון דעם נאַטירלעכן צענטער מינסק, פֿון וועלכן ראַקאָוו האָט זיך גערעכנט ווי אַ פֿאָרשטעטל, ווי אויך פֿון דעם גרעסטן און בעסטן טייל דערפֿער, איז ראַקאָוו אָפּגעריסן געוואָרן. און איצט ווערט די פּסום דערשטיקט אין דער איינגעענגער לופֿט. און אויב ראַקאָווער יידן האָבן נאָך ניט אויסגעגעסן איינער דעם צווייטן איז דאַנק דער אַמעריקאַנער הילף, ווי פֿאַר יחידים אַזוי אויך פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס.

דאָס איינציקע, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿאַר ראַקאָוו, איז דער בית־מדרש. איינציקע מער ניכטערע בעלי־בתּים, וועלכע זיינען ניט געווען אַריינגעצויגן אין קאַראַהאַד פֿון שמוגל, האָבן אַרויסבאַקומען אין יענע צייטן פֿון די צעטומלטע שמוגלערס באַדייטנדע נדבֿות און האָבן אויפֿגעבויט אַ גרויסן בית־מדרש, וועלכער פֿאַרשיינט פּשוט די שטעטל און וואָס נעלסן ווען אַ גרויסע שטאָט אַפֿילו קאָן זיך פֿאַרגינען אַזאַ צו האָבן. דער בית־מדרש דינט איצט פֿאַר דער ראַקאָווער פֿאַרצווייפֿלטער, פֿאַראָרעמטער באַפֿעלקערונג, ניט נאָר פֿאַר אַ מקום־קדש, וואו מען קען בהרחבֿות אויסגיסן דאָס הארץ פֿאַרן רבש"ע, נאָר אויך פֿאַר אַ באַקוועמען אָרט זיך אָנצוּוואַרימען און בין מנחה למעריבֿ זיך אַ ביסל דורכשמועסן וועגן וועלטלעכע ענינים און דערמאָנען אַמאָליקע „גוטע צייטן".

איצט אַ ביסל ראַקאָווער סטאַטיסטיק: פֿון די גענויע 650 פֿאַמיליעס זיינען 45 פּראָצ. יידישע; זייער באַשעפֿטיקונג איז פֿאָלגנדע: ביי 120 קרעמער, איבער 30 הענדלער און נאָענט פֿון 80 בעלי־מלאכות. די איבעריקע — אָן באַשטימטע אָדער אָן שטענדיקע פּראָפֿעסיעס. די הויפּט־לייזונג איז אין די מאַרק־טעג, מאָנטאָג און פֿרייטאָג. די איבעריקע טעג זיצט מען ביי די פּוסטע קרעמלעך און מען דאַרף זיך פֿאַר אַ קונה ניט קריגן... און אויך ניט מקנא זיין איינער דעם צווייטן... דער האַנדל באַשטייט פֿון: פֿלאַקס, זוימען, האָבער, קאָרן, בהמות, מעדר א. אַז. וו. אויך איז ביי אונז אַנטוויקלט אין אַ געוויסער מאָס, דער האַנדל מיט פּרוכט, צוליב דער גרויסער צאָל פּרוכט־סעדער, וועלכע געפֿינען זיך אין די פֿאַרבליבענע אַרום ראַקאָוו, גיטער. געציילטע ציען זייער חיונה פֿון דעם וואַלד־מסחר.

די געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿונקציאָנירן ביי אונז פֿאַרהעלטניסמעסיק גוט. קודם־כּל, די שוין דערמאָנטע ביבליאָטעק, וועלכע עקסיסטירט שוין העכער 25 יאָר. זי ציילט איצט ביי

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB
DFG

2200 ביכער, פון זיי איבער 50 פראצ. יידישע. די ראקאוויער ביבליאטעק קאן מען פארעכענען אלס אן אמתן קולטורעלן אוצר פאר דער שטעטל. מיר פארמאגן אויך א פאלקס-באנק, א האנטווערקער- און סוחרים-פאראיין, א יתומים-קאמיטעט, וועלכער פינאנסירט פאר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ, א גאנץ ברייטע טעטיקייט, און א דאנק דער מיטהילף פון „יעקאפא" אין ווילנע האט זיך אים שוין איינגעגעבן איינצוארדענען ביי פאכן פיל יתומים. מיר פארמאגן אויך א תרבות- און רעליגיעזע שולן, א דראמאטישן קרייזל, א ספארט-פאראיין, א גמ"ח (סובסידירט פון „יעקאפא"), א לינת-הצדק און אפילו א ישיבה, אלץ גאר ווי ביי לייטן.

לעצטנס זיינען ביי אונז שטארק מאריש די קאריערעס פון ישיבה-בחורים. קיין אנדערע תכליתים זוכן כמעט איצט ניט אונזערע עלטערן. ביי די וואלן צו סענאט האט ביי אונז די „אגודה" געשלאגן דעם רעקארד, אויסקלייבנדיק מער שטימען, ווי אין דער גרויסער ווילנע.

די אלע אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס לינדערן אין א געוויסער מאס די גרויסע נוים פון דער ראקאווער יידישער באפעלקערונג.

א. סטאראבין.

פרילינג 1928

רודזישאק

(א יונגע שטעטל.)

I.

דאס שטעטל רודזישאק געפינט זיך אין א מרחק פון 2 סטאנציעס פון ווילנע, 3 מייל פון אלקעניק און 16 קילאמעטער פון איר פאוויאט טראק.

רודזישאק האט זיך אנגעהויבן גרינדן אין דער צייט, ווען מען האט געבויט די פעטערבורג—ווארשעווער אייזנבאן-ליניע (בערך 1858—1862).

צוערשט האבן זיך געפונען אין שטעטל בלויז דריי יידן: ר' יונה פוצקארניק, א בעל-מלאכה — א כמיר; ר' ישראל ראדונסקי, א קרעטשמער און ר' שמואל קוניצקי, א פאדראטשיק. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען איניקע יידן אלס ערד-ארבעטער, ביז א מנין, און אין יאר 1883 האבן זיי שוין געהאט אפילו אן אייגענעם בית-מדרש.

דאס שטעטל האט זיך אנגעהויבן צו פארגרעסערן ערשט אין יאר 1891, בעת מען האט רודזישאק אריינגערעכנט אין דער רשימה פון די 101 דערפער, וואס זיינען דערהייבן געווארן צו דער מדרגה פון שטעטלעך, וואו יידן האבן צוליב דעם באקומען וואוינרעכט. דער פריץ מאטווייעוו, צו וועמען ס'האט געהערט דער גוט מארקאווטשינע מיטן שטעטל, האט דאן פארקויפט פלעצער, וואס זיינען נאך געווען פארוואקסן מיט וואלד, און אזוי האט זיך אויסגעבויט „רודזישאק".

דאס שטעטל פארנעמט איין לאנגע גאס, וואס ציט זיך גלייך פון וואקזאל ביזן וואלד, ד. ה. ביז צום סוף — און פון דער לאנגער גאס פארצווייגן זיך עטלעכע קליינע געסלעך. פון די יידישע הייזער, וואס געפינען זיך אין שטעטל, זיינען 44 הילצערנע און 1 מויער. דאס רוב הייזלעך זיינען געבויט אויף אייגענע ערד. יידן געפינען זיך איצט (אין יאר 1929) אין רודזישאק 54 משפחות, איבער 300 נפשות, וואס מאכט אויס בערך 60 פראצ. פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. די באציאונגען צווישן די יידן און די קריסטן זיינען ניט קיין שלעכטע.

הגם דאס שטעטל האט זיך אנגעהויבן בויען בערך אין יאר 1891, דאך איז לאנגע יארן קיין בית-עולם ניט געווען און די מתים פלעגט מען פירן קיין אלקעניק אדער באלטערמאנץ. ערשט אין יאר 1918, א דאנק דער השתדלות פון ר' אלחנן לעווין און ר' אהרן ראדונסקי, האט מען געקויפט פאר 500 רובל א פלאץ אויף א בית-עולם, וואס האט די גרייס פון 40 אויף 60 קלאפטער. ער האט ארום זיך א הילצערנעם גדר, א נדבה פון ר' משולם קראניק.

אויפן בית-עולם ליגן 16 מתים. דער ערשטער מת איז געווען א סאלדאט פון די מלחמה-געפאלענע, וואס איז פריער געווען מקובר אנדערשוואו און מען האט אים שפעטער אריבערגעטראגן אויפן בית-עולם. דארט געפינען זיך אויך 4 קדושים, אומגעקומענע בעת דער אנטרעטונג פון די פוילישע חיילות אין יאר 1920: 1) א סטודענט, וועלכן מען האט געפונען אויפן באן; 2) א געפונענעם אין וואלד, ר' יוסף לצייטאן פון ווילנע; 4) ר' ישראל אקסעלראד; 4) ר' אברהם ב"ר משה תינכקי. די לעצטע צוויי זיינען שטעטלשע.

אין שטעטל געפינט זיך אויך א חברא-קדישא, וואס ציילט 10 חברים. די חברה איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1919.

רודזישאק האט א שטאטישן נייעם בית-מדרש, געגרינדעט אין יאר 1904 דורך דעם קדוש ר' ישראל אקסעלראד און ר' אלחנן לעווין. דער בית-מדרש געפינט זיך אין מיטן שטעטל און באשטייט פון א גרויסן עזרת-אנשים און אויבן צווישן קלאוש אויך אן עזרת-נשים, אויך צוויי שטיבלעך, איינס א מין הכנסת-אורחים און דאס צווייטע א דירה פארן שמש.

אין רודזישאק געפינט זיך א שטאטישער מרחץ מיט א כשרע מקוה, געבויט בערך אין יאר 1906 דורך ר' דוב פוטסקארניק און ר' אהרן ראדונסקי אויף פרעמדע ערד, פאר וועלכע מ'צאלט ארענדע-געלט 25 גילדן א יאר. אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער חרוב געווארן; און אין יאר 1923 האט מען אים איבערגאנייס פארריכט מיט דער הילף פון „יעקאפא".

רודזישאק פארמאגט אויך א שטאטישן גמילות-חסד (געגרינדעט דורך דעם שרייבער פון די שורות אין יאר 1925), וואס איז סובסידירט פון „יעקאפא". כמעט 95 פראצ. פון די שטעטלשע איינוואוינער זיינען מיטגלידער-לויב פון גמ"ח.

אין רודזישאק געפינט זיך א שטאטישער חדר מתוקן, וואו עס לערנען זיך 10 יינגלעך און 5 מיידלעך. מ'לערנט דארטן רעליגיעזע למודים ביז גמרא. אויך וועלטלעכע למודים. דער חדר געפינט זיך אונטער דער השגחה פון רב. די איבעריקע קינדער, 8 מיידלעך און 4 יינגלעך, לערנען זיך אין דער פאווששעכנער שול, נאר שבת באזוכן זיי איר ניט. נאך 7 קינדער לערנען זיך אין ווילנע אין פארשיידענע גימנאזיעס, טעכניקום און סעמינאר. די איבעריקע קינדער לערנען זיך פארשיידענע מלאכות אין שטעטל גופא און אויך אין אנדערע שטעטלעך.

אין רודזישאק געפינט זיך אויך א שטאטישע ביבליאטעק, געגרינדעט דורך די ציונים אין יאר 1916. אין יאר 1919 בעת די פוילישע חיילות זיינען אנגעטראטן, איז די ביבליאטעק פארברענט געווארן; און איז צוריק באנייט געווארן אין יאר 1922. ספרים געפינען זיך: העברעאישע איבער 1250 און יידישע איבער 650. לעזער זיינען פאראן 30 (20 פרויען און 10 מענער). פארן לייענען ווערט גענומען 70 גראשן לייען-געלט און דריי גילדן ערבות-געלט. מיטלען אויף צו קויפן ספרים באקומט מען פון פארשטעלונגען און באלונען. בינדן די ביכער פירט מען אין ווילנע.

אין שטעטל געפינט זיך אויך א „החלוץ" פון 30 יונגעלייט. ווייטער פארמאגט רודזישאק א דראמאטישן קרייזל, וואס באשטייט פון אן ערך 20 יונגעלעכע און א בלאז-ארקעסטער. זיי געבן קרוב א פאר צענדליק פארשטעלונגען לטובת דער ביבליאטעק, קרן-קימת, גמילות-חסד און לטובת נאך פארשיידענע וואוילטעטיקע צוועקן.

אין שטעטל געפינט זיך אויך א פייערלעשער-געזעלשאפט, געגרינדעט אין 1925, וואס פארמאגט א פאמפע, לייטערס און אנדערע געהעריקע מכשירים, וי באשטייט פון עטלעכע צענדליק חברים, צווישן זיי 10 יידן. דאס רוב יונגעלעכע ביז 30 יאר. אין שטעטל איז פאראן א גמינע, וואס באשטייט פון 11 קריסטן און איין ייד.

אין שטעטל איז אויך דא א קהילה. דער קהילה-רב איז דער טראקער רב.

II.

רודזישאק האט ניט קיין מארק און די גאנצע חיונה ציט דאס שטעטל פון די ארומיקע דערפער און וועלדער. די הויפט-לייזונג איז אין מארק-טאג, וואס קומט פאר יעדן מיטוואך, זומער אויך פון די דאטשניקעס, ווייל עס איז א דאטשע-ארט מיט א גרויסן טרוקענעם וואלד.

עס געפינען זיך אין שטעטל ארום 7 האלץ-סוחרים, 8 סאכארעס און אן ערך 20 וואזשטשיקעס, וואס פירן דאס געהילץ פון די וועלדער צו דער סטאנציע. פון די וואזשטשיקעס זיינען פאראן צוויינע וואס פארמאגן צו 4 פערד און זיי ארבעטן מיט געדונגענע מענטשן, ניט קיין יידן.

עס געפינען זיך אויך אן ערך 22 קליינע קרעמלעך, אין וועלכע ס'איז פאראן סחורה צו ביסלעך מכל המינים, ווי: פאקליי, גאלאנטעריי, אייזנווארג וכדומה. ספעציעלע קראמען פון מאנופאקטור און גאלאנטעריי זיינען פאראן איינגאנצן דריי. פאראן אויך א סקלאד פון נאפט, וואס באדינט מער ווייניקער אויך די ארומיקע שטעטלעך. עס געפינען זיך אויך 2 טארטאקן, וואו עס ארבעטן בערך 60 פערזאן ניט-יידן און 6 יידן. די טארטאקן ארבעטן אויך אום שבת און יו"ט, פאראן אויך א טערפענטיניצע.

פון די בעלי-מלאכות געפינען זיך 6 שוסטער מיט 6 ארבעטער, דריי שניידערס, וואס ארבעטן מיט לערניינגלעך; שניידער ניט קיין יידישע 2 און שוסטער 3; שניידערקעס 5 מיידלעך, אבער ווען מען דארף בעסערע ארבעט, פארט מען קיין ווילנע.

עס געפינען זיך אויך 5 קצבים מיט 4 יאטקעס און אן אייגענע בוינע. ביי די קצבים איז א מין „סינדיקאט".

אויך 3 טראנספארטירער, וואס פארן אין ווילנע עטלעכע מאל א וואך, צו ברענגען סחורה פאר די קרעמער, אויך 3 שמידן וואס ארבעטן איבערהויפט פארן דארף, מיט 2 יידישע ארבעטער-יערערער.

פון די איבעריקע בעלי-מלאכות געפינען זיך: 1 מאלער, 1 גלעזער און 2 קארבעניקעס, 2 בעקער פון ווייסע געבעקס און ווייסע ברויט. פראסטע שווארצע ברויט באקן פיל פון די בעלי-בתים גופא איינער אליין.

דאס רוב בעלי-בתים פון שטעטל פארמאגן בהמות, איניקע אפילו צו צוויי. עס געפינען זיך

DFG

אין שטעטל בערך 30 קי און 5 ציגן, שטויביקע עופות האָדעוועט כמעט אַלע.

עס זיינען פאַראַן נאָך 8 משפחות, וואָס אַרענדירן ערד ביי די אַרומיקע פּויערים און זייען קאָרן, גריקע, האָבער, קאַרטאָפל וכדומה. דאָס רוב האָבן אויך גערטנער, וואו זיי פאַרזייען אַלערליי גרינסן.

צווי אָרים איז דער מצב פון די רודזישקער איינוואוינער געוועזן ביז דער לעצטער צייט ניט קיין שלעכטער, בעת זיי דאַרפן קיין דירה ניט דינגען און קאַרטאָפל און גרינסן ניט קויפן.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דער מלחמה האָבן די רודזישקער זייער פיל געליטן פון די דורכגייענדע מחנות, דאָך האָבן זיי דאַנק זייער פלייסיקער אַרבעט און גרויס האָזועניש מיטן פירן אַ גיטע בעלי־בתּישקייט, צוריק זיך אַרויפגעאַרבעט. די לעצטע צייט אָבער האָט זיך דער מצב פון שטעטל פאַרערגערט. די קרעמער זיינען צוליב די גרויסע שטייערן פאַראָרעמט געוואָרן און דער מצב פון שטעטל איז ניט קיין גוטער.

עס געפינען זיך אין שטעטל 5 מלחמה־יתומים, וואָס האָבן באַקומען שטיצע פון „יעקאָפּאָ“ און 3 זקנים, וואָס באַקומען שטיצע פון אַמעריקע.

בכלל איז די שטעטל אַ גליקלעכע. לויט דער סטאַטיסטיק פון יאָר 1926 זיינען אין שטעטל געווען 3 חתונות, 10 געבוירן און 1 מת. ס'זיינען פאַראַן אויך 5 זקנים אין די אַכציקער, צווישן זיי 2 פרויען.

אין שטעטל געפינט זיך 1 אַפּטייקער, 2 פעלדשערס און 1 אַקושערין — אַלע ניט קיין יידן.

דער ערשטער רב אין שטעטל איז געווען הרב ר' דוב סווירסקי. ער איז געווען רב אין סיחת פון יאָר 1905 ביז 1921, דערנאָך געוואָרן רב אין אַמעריקע. דער צווייטער רב הרב ר' חיים דוד ב"ק, איז געוואָרן רב אין יאָר 1922. די שכירות פון רב איז פון ייאַכער, וואָס יעדער בעה"ב צאָלט וויפיל עס איז, אויך פון קאָראָבקע און ליכט אויף שבת, וואָס מ'דאַרף קויפן ביים רב, אָבער פון די אַלע הכנסות האָט דער רב ס"ה ייאַכערע 10 גילדן אַ וואָך און לעבט אין גרויס דחקות.

אין שטעטל געפינט זיך אַ חברה ש"ס, משניות און חיי־אדם.

אין שטעטל שרייבט זיך איצט אַ נייער פּנקס, וואו עס ווערן פאַרשריבן די נייטיקע תקנות און מנהגים פון שטעטל. דער אַלטער פּנקס איז אין מלחמה־צייט פאַרלאָרן געגאַנגען.

חייקל לונסקי.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די שטעטלעך אין יאָר 1929—1928

(אויספאָרשונגען אויף די ערטער פון דעם באַפולמעכטיקטן פון „יעקאָפּאָ“).

די ווייטער־געבראַכטע באַריכטן זיינען אַ רעזולטאַט פון די אויספאָרשונגען, וואָס ס'האָט געמאַכט אויף די ערטער, אין יעדן פּונקט באַזונדער, דער ספּעציעלער באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאָ“ ה' **שלים כהן**, וועלכער האָט אין משך פון 8 חדשים צייט (לעצטער פערטל 1928 — ערשטער האַלבער יאָר 1929) באַזוכט 70 שטעטלעך פון ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטוועס מיטן צוועק צו רעווידירן און אינסטרואירן די גמילות־חסדים־קאַסעס, וואָס זיינען דאָרט געגרינדעט געוואָרן פון די אָרטיקע טוער מיט דער יורידישער און מאַטעריעלער הילף פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“, וועלכער פירט די אַקציע אין קאָנטאַקט מיטן „דזשוינט“.

אַלס רעווידענט און אינסטרוקטאָר פון די גמ"חן, וואָס האָט זיינע באַזונדערע איינגאַנג־עגע איינגאַבן, האָט אָבער ה' כהן גלייכצייטיק אויך באַקומען פון „יעקאָפּאָ“ אַן אויפטראַג אויסצופאָרשן אויף אָן אָרט ניט נאָר דעם מצב פון דער אינסטיטוציע, נאָר אויך בכלל די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון די שטעטלעך אין גאַנצן און וועגן דעם שריפטלעכע באַריכטן.

אויף אַזאַ אופן באַקומען מיר אַ מאַטעריאַל וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דעם גרעסטן טייל שטעטלעך פון ווילנער און נאָוואָגרודקער געגנט אין יאָר 1928—1929, בפרט פון די **קליינע שטעטלעך**, אויף וועלכע קיינער ליגט געוויינלעך קיין אויפמערקזאַמקייט ניט, אָבער וועלכע שטעלן דאָך מיט זיך פאָר דעם רוב מנין און רוב בנין פון דער יידישער פּראָווינץ.

אַ באַזונדערער קאַפּיטל פאַר זיך איז דער הונגער־מצב און די אַקציע, וועלכע „יעקאָפּאָ“ האָט געפירט אין קאָנטאַקט מיטן „דזשוינט“ אין פרילינג און אָנהייב זומער 1929 לטובת דער הונגער־ליידנדער יידישער באַפעלקערונג, צוליב דער שרעקלעכער אום־ערעטעניש פון די פאַריקע צוויי יאָר אין פיר קרייזן פון ווילנער וואָיעוואָדסטווע (דיסנער, בראַסלאַווער, פּאָסטאַווער און שווענציאַנער), וואָס האָט נאַטירלעך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די באַריכטן וועגן די באַטרעפנדע פּינקטן. דערהויפּט פון דיסנער און בראַסלאַווער קרייזן, וואו דער הונגער איז געווען אַמשטאַרקסטן.

רעד.

איגנאַלינע (סווענציאַנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 250 פאַמיליעס, פון זיי ביי אַ 150 יידישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונגען זיינען קרעמעריי, קליינהאַנדל און האַנטווערקעריי. די צאָל פון די קרעמער און קליינהענדלער צוזאַמען (70) מאַכט אויס 47 פּראָצ., און די האַנטווערקער (35) 23 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

די קרעמעריי ניט שוואַך צום לעבן, עס איז דאָ פאַרהעלטנישמעסיק צופיל קראָמען. אָבער איבערהויפּט ברעכט אינטער די יידישע קראָמען דער גרויסער קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו. אין דער צייט, ווען אַלע יידישע קרעמער ליידן זייער פון אַ מאַנגל אין אומזאַץ־קאַפּיטאַל (צו לייען איז אין שטעטל אַפילו אויף אַ גרעסערן פּראָצענט *) איז ניטאָ ביי וועמען. די יידישע פאָלקסבאַנק האָט אויך קיין דעפּאָזיטן ניט, ווייל די יידישע באַפעלקערונג איז געדריקט און קיינער האָט דאָ קיין געלט ניט), באַקומט דער קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו גרויסע קרעדיטן פון די פּוילישע בענק (באַנק „ראָלני“) און ווערט אונטערשטיצט פינאַנציעל פון דער גמינע. ביים קאָאָפּעראַטיוו פונקציאָנירט אַ רייכע ליי און שפּאַר־קאַסע (קאַסאַ „סטעפאַנטשיקאַ“). דאָס אַלץ גיט דעם קאָאָפּעראַטיוו די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין זייער אַ גרויסן מאַסשטאַב, סחורות ברענגט ער וואַגאָנענווייז.

צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג ווערט געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע (דורך די לערער, גמינע, גלחים א. אַ.), אַז מען זאָל קויפן נאָר אין קאָאָפּעראַטיוו. דער פּויער רופט אָן דעם קאָאָפּעראַטיוו מיטן נאָמען „אינזער קראָם“. אין לאָקאַל פון קאָאָפּעראַטיוו זיינען אויסגעהאָנגען בילדער, ווי אַזוי די יידן פרעסן אויס די זאַפטן פון דער דורך זיי צורויאַנירטער באַפעלקערונג. דער פּויער ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעצויגן פון די יידישע קראָמען און גייט אַריבער אין קאָאָפּעראַטיוו. אויסער קאָאָפּעראַטיוו אַרבעטן אין שטעטל נאָך 2 קריסטלעכע קראָמען. אויסערדעם, זיינען דאָ אין אַלע גרעסערע דערפער קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, און אין די קלענערע — קריסטלעכע קראָמען.

דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אין וואָך, אַלע דאָנערשטאָג. אויפן מאַרק פאָרן אָן פרעמדע קרעמער (קריסטן און יידן) מיט מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריי און לעדער. אַ באַווייגלעכער קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער פאָרט פון פּונקט צו פּונקט אויף די מערק פון אַ ריי אַרומיקע שטעטלעך, ברענגט צו פירן אויפן מאַרק באַקאַלייסחורות. אויך ברענגען קריסטלעכע בעקער אויפן מאַרק געבעקס.

צו דעם מוז מען נאָך צוגעבן, אַז די סביבה אַרום איז אַן אָרעמע, דער באָדן איז אַ זאַמדיקער און באַדעקט מיט וואַלד און מיט אַ מענגע אָזערעס. דער בעסטער און פּריכטבאַרסטער טייל פון געגנט איז אָפּגעגאַנגען צו ליטע. די היגע פּויערשע באַפעלקערונג איז שטענדיק אַן אָרימע. היינטיקן ווינטער, נאָך די 2 אומגעראָטענע יאָרן (1927 און 1928), וועלכע זיינען געקומען איינער נאָכן אַנדערן, איז די לאַגע פון דער פּויערשער באַפעלקערונג זייער אַ שווערע. פון האַרבסט אָן מוז זי שוין אָנקומען צום געקויפטן ברויט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פאָלגן פון דער 2־יאָריקער אומגעראָטעניש האָבן זיך אָפּגערופן קאַטאַסטראָפאַל אויף דער לאַגע פון די קרעמער, קליינהענדלער און בעלי־מלאכות.

דער קליינהאַנדל איז דאָ אַ נישטיקער. ער באַשטייט אין אייפקויפן פון פיש, הינער, גענז א. אַז. וו., וועלכע ווערן אַרויסגעפירט פון שטעטל. דער מסחר מיט תבואה, ווייצן, ווי אויך מיט סופּערפאָספאַטן איז איבערגעגאַנגען גרעסטנטיילס צום קריסטלעכן קאָאָפּעראַטיוו. כדי צו שטערן דעם יידישן האַנדל, פאַרשפּרייט מען פאַלשע קלאַנגען, אַז דער סופּערפאָספאַט, וואָס די יידן פאַרקויפן, איז אַן [illegible], אַז אין אים פעלן די נייטיקע פאַרן באָדן וויטאַמינען א. אַז. וו.

וואָס איז נוגע די בעלי־מלאכות — שוסטער, שניידער און שמידן — פילן זיי שטאַרק די קאָנקורענץ פון די דאָרטיקע קריסטלעכע בעלי־מלאכות. אויך אין שטעטל איז דאָ אַ גרויסע צאָל קריסטלעכע שוסטער. זיי פירן זיך מיט גרויסע וואַרשטאַטן. די יידישע שוסטער און שניידער זיינען גרעסטנטיילס אַרבעטסלאָזע. עטוואָס בעסער שטייען די שמידן.

אין שטעטל געפינען זיך אַ 5 יידישע פאַמי-

---

*) אין פּראָווינץ צאָלט מען פּריוואַט 2—5 פּראָצענט אַ חודש.

ליעס, וועלכע לעבן פון דעם, וואָס זיי האַלטן אין פּרענדע דעם פיש-פאַנג און אַ טייל פּויערים. פאַר דער מלחמה האָט מען די פּרענדע באַקומען פון פּראַוויסלאַווער מנישעק-קלויסטער אין ווילנע, איצט פון דער פּוילישער רעגירונג. דירעקט זיינען די פּויערים אונטערגעוואָרפן די „ליעסניטשעס“. איצט ענדיקן זיך זייערע קאָנטראַקטן אויף דער פּרענדע, וועלכע זיינען געווען אָפּגעשלאָסן אויף 6 יאָר. ביים באַנייען די קאָנטראַקטן שטעלט מען ווי פריער נייע באַדינגונגען (קירצערער טערמין פון דער קאָנטראַקט-צייט, התחייבות געגנווי אָפּצוהיטן אַלע געזעצן פון פיש-פאַנג א. א.), אָבער אַמשטייערכטן פאַלט אויס די פאָדערונג אַריינצופירן מער קולטור און פאַך ידיעות אין דעם פישפאַנג. קיינער פון די ביז-איצטיקע אַרענדאַטאָרן פאַרמאָגט נים די קענטעניש, וועלכע זיינען נייטיק, כדי צו קענען קולטיווירן דעם פאַך. עס איז דאָ אַ גרויסער חסר, אַז צוליב די פאָדערונגען זאָלן זיי, פריער אָדער שפּעטער, פאַרלירן די פּרענדע.

די אַרבעט אין די וועלדער נעמט איבער די מאַכט אויף איר רעכענונג, און זי זעצט דאָרט אַוועק אירע אָנגעשטעלטע. דאָ, ביים באַן, וווינט שוין אַ שאָמער, אַ רעגירונגס-באַאַמטער, וועלכער טראַנספּאָרטירט אָפּ מיטן באַן די רעגירונגס-האָלץ.

4 בעקערייען זיינען דאָ פאַראַן *). אַ טייל אַרבעטן נאָך פאַרלויפיק. די רעמאָנטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט, האָט מען פאַרבראַקירט. אויך די פליש-יאַטקעס זיינען געווען פאַרמאַכט. די ערשטע רעמאָנטן, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נים אַנטשפּרעכנדיג די פאָרשריפטן פון געזעץ. זיי האָבן געמוזט דורכפירן אַ צווייטן מאָל נייע רעמאָנטן.

כדי צו כאַראַקטעריזירן די היגע פּרנסות וויל איך איבערגעבן דעם פאָלגנדן פאַקט: אַ היגער קירזשנער האָט צוליב דער נישטיקער אָרטיקער לייזונג באַשלאָסן אַרויסצופירן זיין סחורה (היטלעך) אויף אַ פּאָר מערק אין די אַרומיקע שטעטלעך. ער האָט באַזוכט 3 ערטער (בראַסלאַוו, ווידז און נאָך אַ פּונקט). געלייזט האָט ער אויף די אַלע 3 מערק 78 זל., און הוצאות איז ביי אים געפאַלן 35 זל. (כמעט 50 פּראָצ. פון לייזונג).

דער גרעסטער טייל יידן לעבט דאָ שלעכט. פליש און מילכיקס קומען זעלטן אין שטוב אַריין. מען איז צופרידן, אַז מען האָט צו גענוג ברויט און קאַרטאָפל.

אין שטעטל אַרבעט אַ הילפס-קאָמיטעט, וועלכער שטיצט אונטער אַ 15 גאָר נעדריקסטע פאַמיליעס. זיינע הכנסות האָט ער פון אַ שטעטלשן וואָכער, וועלכער ברענגט אַריין אַ 60 זל. אַ חודש.

איוויע (וואָלאָזינער קרייז). אָפּגעברענט דעם 15-טן מאַי 1929. ווערט ווידער אויפגעבויט.

אײשישאָק (לידער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז איבער 600 פאַמיליעס, דריי פערטל פון זיי זיינען יידישע.

די הויפּט-פּרנסה איז קרעמעריי. צוליב דער גרויסער צאָל קראָמען איז די קאָנקורענץ זייער אַ שטאַרקע. אין אַלע דערפער אַרום אײשישאָק האָבן זיך געעפנט קריסטלעכע קראָמען, וועלכע ציען צו די לייזונג. איבערהויפּט איז דאָס פילבאַר היינטיקס האַרבסט, צוליב דעם שלעכטן צושטאַנד פון די וועגן. דער פּויער פוילט זיך צו פאָרן אין שטאָט, בפרט נאָך, אַז ער קריגט אַלץ, וואָס ער נייטיקט זיך, צו קויפן ביי זיך אין דאָרף. אויך האָבן זיך אין אַלע דערפער פאַרמערט שוסטער און שניידער. עס פאָרן אַרום איבער די דערפער שניידער-לערער פון ווילנע, וועלכע לערנען אויס דעם פאַך די דאָרפישע יוגנט. די יידישע בעלי-מלאכות אין שטעטל האָבן דאָס אָנגעהויבן שטאַרק צו פילן.

דאָס גאַנצע שטעטל — קרעמער, הענדלער, בעלי-מלאכות, איבערקויפערינס — וואַרטן אַלע אויף דעם מאַרק-טאָג, וועלכע קומט פאַר דאָנערשטאָג. איז אַ בלאָטע, אַ רעגן אָדער אַ חגא, ווען דער מאַרק קומט זיך נים צונויף, איז אַ טרויער, דאָס גאַנצע שטעטל ליגט אויפן פּנים, און עס רופט זיך זאָגאַר אָפּ אויף די צאָלונגען אין פאָלקס-באַנק און אין דער גמילות-חסדים-קאַסע. עס פאָלגט נאָכדעם אַ טויטע וואָך, ווייל אין די איבעריקע טעג איז דער פּויער אַ שוואַכער, עס איז נישטאָ קיין באַוועגונג אין מסחר און האַנדל.

די גזירה פון די בעקערייען איז אויך דאָ שטאַרק. אַלע בעקערייען זיינען געשלאָסן, פון זיי 2 איינגאַנצן, די איבעריקע — ביז וואַנען זיי וועלן דורכפירן דעם געפאָדערטן רעמאָנט, וועלכער שמעקט מיט טויזנטער זלאָטעס.

אָלקעניק (ווילנער קרייז). ג. זייטן 433—444.

אָסטראָוויעץ (ווילנער קרייז). די שטעטל, וועלכע האָט אַ 30 יידישע פאַמיליעס, באַשטייט כמעט אויסשליסלעך פון קרעמער און הענדלער. עס קומען פאַר אַלע וואָך גרויסע מערק. נאָר דער פּרייז פון די סחורות ווערט פאַרקאָנקורירט פון די אָנגעשטאָרענע אויף יעטווידן מאַרק און אַ גרויסער צאָל פרעמדע קרעמער. מער ווי 20 פאַמיליעס האָבן נים קיין אייגענע הייזער און קראָמען און וואוינען אַלס לאָקאַטאָרן ביי די אָרטיקע קריסטן, וועלכע נעמען אַ גאַנץ גרויסן דירה-געלט. די עקאָנאָמישע לאַגע איז דעריבער אַ גאַנץ שווערע.

אָרלאָווע (לידער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 150 פאַמיליעס, פון די זיינען 45 יידישע.

די שטעטעלע איז אַ טויטע, אָן קיין שום באַוועגונג. פון אַ באַן-סטאַנציע איז זי 15 קילאָמעטער ווייט. קיין מערק קומען נים פאָר. 50 פּראָצ. פון די יידן זיינען האַנטווערקער, 25 פּראָצ. קרעמער און קליינהענדלער און כמעט ביי אַ 25 פּראָצ. אָן קיין שום באַשעפטיקונג.

די בעלי-מלאכות זיינען ניט קיין ספּעציאַליסטן אין זייער פאַך. זיי קענען מאַכן נאָר אַ פּשוטע אַרבעט פאַרן פּויער. די יינגערע דאָרפס-באַפעלקערונג באַנוגנט זיך שוין אָבער נים מיט אַזאַ מין אַרבעט. אַלץ מער און מער הייבט אָן דער דאָרף צו ניצן פאַרטיקע מלבושים און שיך, וועלכע ער קויפט איין אויף די מערק אין די נאָענטסטע שטעטלעך (זשעלודאָק, שטשוטשין), ביי די אָנגעזעסענע און אָרטיקע קרעמער. די לאַגע פון די בעלי-מלאכות פאַרערגערט זיך צוליב דעם פון טאָג צו טאָג.

אויך קרעמעריי און קליינהאַנדל שטייען נים גוט צוליב דעם, וואָס עס זיינען דאָ נישטאָ קיין מערק. דער פּויער האָט שטאַרקע נטיה איינצוקויפן אַלץ, וואָס עס איז אים נייטיק, בעסער אויפן מאַרק אין דער פרעמדער כאָטש ווייטערער שטעטל, איידער צו פאָרן אין דער נאָענטסטער שטעטל, וואו עס איז קיין מאַרק נישטאָ. אויסערדעם, קריגט דער פּויער צו קויפן זיינע טאָג-טעגלעכע הצטרכותן [גאָזע (גאַזט), טאַבאַק, הערינג א. א.] ביי זיך אין דאָרף. כמעט אין יעדן דאָרף האָט זיך געעפנט אַ קריסטלעכע קראָם.

פאַר דער מלחמה האָט אַ גרויסער טייל פון שטעטל געלעבט פון „ספּלאַוו“ פון געהילץ, וואָס פלעגט גיין אויפן ניעמאַן קיין דייטשלאַנד. איצט איז דער „ספּלאַוו“ אַ ניסטיקער. מער נים ווי אַ מענטשן 10 (אַ טייל פון דעם בעלי-מלאכות) אַרבעטן זומער ביים „ברעג“, אַלס פּשוטע טאָג-אַרבעטער. עטלעכע פון זיי אַרבעטן אויך איצט אַלס טאָג-אַרבעטער אויפן טאַרטאַק.

דער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט נים קיין שום באַשעפטיקונג, באַשטייט פון אָרעמע מלחמה-אַלמנות און מלחמה-עגונות, וועלכע זיינען דאָ, לערך צו דער גרויס פון שטעטל, אין אַ באַדייטנדער צאָל, און פון כּמה אַלטע אָדער קראַנקע מענטשן. נאָר אַ פּאָר פון זיי לעבן פון דער קליינער סטיצע, וועלכע זיי באַקומען פון קרובים פון אַמעריקע. די איבעריקע זיינען זייער אָרעם. אָט די אָרעמקייט איז דאָס די קליענטור פון גמ״ח אויף די גאָר קליינע הלוואות (פון 5 ביז 25 זל.). אַמאָל גיט מען זיי אַרויס אַ קליינע הלוואה פון 5—20 זל. אויף צו קויפן אַ וואָגן האָלץ אָדער אַ פור קאָרן. נאָכדעם צאָלן זיי איר ווי עס איז אויס אין אַ געוויסן משך צייט.

אָשמענע (ווילנער וואָיעוו.). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 7.001 נפשות (מיט די צוגעגעבענע דערפער), פון זיי 2.700 יידן.

די הויפּט-באַשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי, קליינהאַנדל און האַנטווערקעריי.

קרעמער און קליינהענדלער זיינען פאַראַן ביי אַ 300, האַנטווערקער ביי אַ 100.

עס איז דאָ אַ גרויסער איבערפלוס אין קראָמען (שניט-קראָמען, למשל, איז פאַר דער מלחמה געווען ביי אַ 10, איצט 25). אין שטאָט אַרבעטן, אויסער דעם, מיט גרויס ערפאָלג אַ רייכער קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו (אַן אָפּטיילונג פון דער „צענטר. ראָלניטשאַ“ אין ווילנע). ער ברענגט אויס סחורה (איבערהויפּט שווערע אַרטיקלען) וואַגאָנענווייז. אויף זיין לאַגער געפינען זיך: בוי-מאַטעריאַלן (צעמענט און וואַפּנע), אייזן, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, סופּערפאָספאַטן, אַלערליי זריעות, תבואות, מעל, קלייען, גרויפּנס, צוקער, הערינג, גלאָז און גלאָז-וואַרג, בלייע געשיר, טאַבאַק, אויך גלאַזעריי. אויף זאַלץ און נאַפט האָט דער קאָאָפּעראַטיוו די איינציקע קאָנצעסיע אין שטאָט און גאַנצן געגנט. דורכדעם נייט ער די יידישע קרעמער, וועלכע מוזן אָנקומען צו אים קויפן די לעצטע צוויי אַרטיקלען, זיי זאָלן ביי אים נעמען אויך אַנדערע סחורות. דער קאָאָפּעראַטיוו פאַרקויפט זיינע סחורות אויף הורט און דעטאַל, און דער געשעפט ווערט בכלל געפירט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. אין לעצטן יאָר האָט ער גענומען איינקויפן, אויך אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, תבואות, פלאַקס און זוימען. אויסער קאָאָפּעראַטיוו אַרבעטן אין שטאָט איינציקע קריסטלעכע קראָמען (איינע פון זיי איז זייער אַ גרויסע), אין פיל קריסטלעכע קראָמען זיינען דאָ אין די אַרומיקע דערפער. דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אין וואָך, אַלע דאָנערשטאָג. אויפן מאַרק פאָרן אָן אַ מאַסע פרעמדע קרעמער, צווישן זיי אויך די אַזוי-גערופענע „זבאַראַסניקעס“ (וואַנדערנדע קרעמער), וועלכע סטאַרען זיך אויף די מערק צוציען קונדן דורך די אויסרופן: זאַדאַרמאָ, זאַ-דאַרמאָ: אומזיסט, אומזיסט!). די אָנגעזעסענע קרעמער מאַכן זייער קאַליע די פּרייזן. זיי פירן על פּי רוב פאַרלעגענע סחורות, בראַק אָדער אַ גאַנצן אַלטן רומל, דערפאַר געוויינלעך פאַר

---

*) צוליב דער פאַראָרדענונג פון דער מאַכט אין אירע נייע היגיעניש-סאַניטאַרע פאָרשריפטן, וואָס זיינען זייער שטרענג און פאָדערן גרעסערע הוצאות אויף איינריכטונגען און רעמאָנטן. די פאָרשריפטן זיינען נוגע בעקערייען, יאַטקעס, שפּייז-קראָמען, האָטעלן א. אַז. וו.

מוזען. זעלבסטפארשטענדלעך, אז זיי קענען דעריבער קאנקורירן מיט די קרעמער, וועלכע קויפן נאר רעיעלע און מערערע סחורות אין איסשליסלעך אויף וועקסלען. זיי ברענגען פון אומגעהויערן שאדן די ארטיקע קרעמער, וועלכע זיינען אזוי אויך דערשלאגן. מאטערן זיך סאקע דעריבער די היגע קרעמער זייער ביטער, און קוים־קוים, וואס זיי האלטן זיך, ווייל פון דער פרנסה, וואס טראגט זיי אריין די קרעמעריי, מוזן זיי נאך צאלן גרויסע שטייערן.

דער האנדל באשטייט דא דער עיקר מיט פלאקס און תבואות. דערהויפט איז געשלאגן דער תבואה־מסחר.

פון די האנטווערקער שטייען זייער שלעכט די שוסטער. די פארטיקע סחורה האט איינגענגען אפגענומען די ארבעט ביי דעם ס. ק. די קיסטלעכע שוסטער האבן אויסגעשטעלט מאשינעס, מיט וועלכע מ'קען זייער פיין און גוט פאררייכטן שיך. די יידישע שוסטער מאכן שיך־„פאסטינקעס" אויפן פלאכן שטיינער, מיטן האנט. זיי פארלירן צוליב דעם וואס ווייטער, אלץ מערער, זייער קונדשאפט. אויך די איבעריקע בעלי־מלאכות האבן ווייניק ארבעט, און עס איז דא צווישן זיי פאראן א באדייטנדער טייל ארבעטסלאזע.

מ'פאדערט איצט פון די ווירטן פון די הייזער, אז זיי זאלן דורכפירן גרויסע רעמאנטן, ווי, למשל, שטאלעווען און פארבן די פאדערסטע ווענט פון די הייזער און ווייסן די איבעריקע ווענט, מאכן טראטואַרן פון צעמענט א. א. דער גרעסטער טייל יידישע בעלי־בתים פון די הייזער האבן ניט די קלענסטע מעגלעכקייטן ביי דעם מאמענט צו דורכפירן עס.

אָלשאַן (אשמענער קרייז). א טייל שטעטל (27 יידישע הייזער מיט 35 משפחות) האט אפגעברענט דעם 21 יוני 1929. די אלגעמיינע צאל יידישע משפחות אין שטעטל באטרעפט איבער 200, צווישן זיי 15 פראצענט ערד־ארבעטער, וועלכע פארמאגן 54 דעסיאטין פעלד לעבן שטעטל און 8 דעסיאטין אין שטעטל. די ערד באארבעטן זיי אליין; ווייטער 30 פראצענט האנטווערקער, די איבעריקע קרעמער, קליינהענדלער און אן א באשטימטער פראפעסיע.

באַראַנאָוויטש (נאוואגרודקער וואיעוואדסטווע). דאס פארברענטע באראנאוויטש (צוגעגעבן אייניקע נאענטע ישובים) האט א באפעלקערונג פון 22 000 נפשות, פון וועלכע 54 פראצ. (נעענט 12.000 נפשות) מאכן אויס די יידן.

די שטאט וואקסט שנעל און צוליב דעם האט זי אפילו באקומען א נאמען פון דער „פוילישער אמעריקא אויף די קרעסן". אנדערע רופן איר אויך „פוילישער מינסק", פארגלייכנדיק איר מיט דעם פריערדיקן מינסק צוליב דער באדייטונג, וואס זי האט איצט אלס צענטער פארן האנדל און קאמוניקאציע אין דער נאענטער ארומיקער געגנט, ווי דאס האט געהאט בשעתו מינסק.

אין באראנאוויטש געפינען זיך א ריי גאר גרויסע און טייל מיטעלע האנדלס־אינטערנעמונגען, וואס גיבן צו דער שטאט דעם אייגן־אנגעזייענעם כאראקטער. אבער אויסער די דאזיקע גאר גרויסע און גרעסערע געשעפטן — פון ערך 10 פראצ. פון אלע האנדלס־אונטערנעמונגען — שטייען דא די קרעמעריי, ווי אויך דער קליינהאנדל, אזוי ווי אין אלע אנדערע שטעט, ניט אין א גוטן מצב. עס איז דא אין שטאט א גרויסער איבערפלוס פון אלערליי מינים קראמען און קרעמלעך. איבערהויפט מערן זיך קראמען אין די דערפער. די לייזונג איז צוליב דעם א שוואכע. די פרייזן פארן קאנסומענט פאלן פרונטער די גרויסע קרעמער, וועלכע פירן גלייכצייטיק אי אן אנגרא, אי א דעטאיל־האנדל. דאס זעלבע איז אויך מיט דעם קליינהאנדל. אויף יעדער סחורה איז דא 100 סוחרים. די פארדינסטן זיינען צוליב דעם מינימאלע. זייער געדריקט זיינען דא די שוסטער, ווי אויך א טייל שניידער, צוליב דעם, וואס מען קויפט אין די קראמען פארטיקע שיך און זאכן, וועלכע ווערן געבראכט פון דער פרעמד.

דא איז אויך פאראן אן ארעמקייט, פאר וועלכער עס מוז געשאפן ווערן שטענדיקע הילף. דאס זיינען אינוואלידן, עלנטע עלטערע מענטשן, ווי אויך אזעלכע, וואס צוליב ארבעטסלאזיקייט זיינען זיי געקומען צו דער לעצטער מדרגה. פאר די אלע פונקציאנירט דא א חברה „בית לחם". זי גיט פרויס גרויס און הילף. ביים איצטיקן מאמענט באקומען שטיצע דורך דער חברה 620 פערזאנען. עס ווערט פארטיילט צו 7 פונט ברויט א וואך פאר א פערזאן און צו 3 וואגן הילף א פאמיליע. די מיטלען באקומען זיך פון ארטיקע זאמלונגען, פון נדבות און פון א סובסידיע פון מאגיסטראט 4300 זל. א יאר.

ס'איז אינטערעסאנט צו פארצייכענען פאלגנדן פאקט פון באראנאוויטשער „צדקה־סיסטעם": דער ארטיקער קאמיטעט (קהלה) באשטייערט די יידישע באפעלקערונג אויף מעות חיטין און די באשטייערטע טראגן אליין אריין דאס געלט אין קאמיטעט און מען דארף ניט גיין צווישן זיי קלייבן מנית לבית, ווי געוויינלעך. אויך אין אנדערע פאלן פירט דורך דער גאנצער באראנאוויטשער קאמיטעט (קהלה) אזוי די זאמלונגען אדער באשטייערונגען אויף ספעציעלע וואוילטעטיקע צוועקן.

9 בעקערייען זיינען דא געשלאסן. 22 בעקער מאכן איצ. בשותפות א מעכאנישע בעקעריי.

דא זיינען אויך געשלאסן א טייל האטעלן, ביי וועלכע מען פאדערט דורכצופירן גרויסע רעמאנטן.

בודסלאוו (מאלאדעטשנער קרייז). אין שטעטעלע זיינען דא ביי א 50 יידישע פאמיליעס. די צאל קריסטלעכע פאמיליעס איז אין 4 מאל גרעסער, ווי די יידישע. א לעבעדיקע שטעטעלע מיט גרויסע וויכנטלעכע מערק און גרעניץ־מיליטער. עס זיינען דא 4 קריסטלעכע געשעפטן (אויסער א קריסטלעכער קאאפעראטיוו פון נאך פאר דער מלחמה) און א גרויסער מיליטערישער קאאפעראטיוו. די לאגע איז ניט קיין שלעכטע.

פיטען (סלאנימער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז 375 משפחות, פון זיי 180 יידישע.

די הויפט־באשעפטיקונגען פון די יידן — קרעמעריי, קליינהאנדל און האנטווערקעריי. אין 1928 יאר זיינען ארויסגענומען געווארן 60 האנטווערקער־פאטענטן און 40 פאטענטן אויף קראמען.

די געגנט ארום איז א זאמפיקע און וואלדיקע. די הויפט־פרנסה פון פריער איז געווען פון „וואזקע" פון געהילץ פון די וועלדער צום באן, צו דער „סטאנציע" (א מייל ביים שטעטל) אדער צו די טארטאקעס. די הויפט־ארבעט ביי דער „וואזקע" איז ווינטער־צייט. דער פויער פלעגט גוט פארדינען, און די געלט פלעגט ער לאזן אין שטעטל: ביים בעקער (אייגענע ברויט האט די ארטיקע פויערישע באפעלקערונג ווייניק), ביים קרעמער און בעל־מלאכה. היינטיקס יאר איז במעט א פילשטענדיקער שטילשטאנד אין דער האלץ־בראנזשע. דער פויער פארדינט ניט, און דאס האט זיך אפגערופן אויפן שטעטל. א 20 בעקער, וואס האבן געצויגן זייער חיונה פון בעקעריי, האבן במעט איינגעגעבן אויפצוהערן צו באקן. מ'לייזט זייער שוואך אין די קראמען. די בעל־מלאכות האבן ווייניק ארבעט. די נויטיקסטע, וואס דער פויער קויפט שוין יע, נעמט ער אויף באָרג. די קרעמער קומט גרויסע חובות פון די פויערים.

דירעקט פון קריזיס אין דער האלץ־בראנזשע זיינען געטראפן די 25 יידישע וואזשאקעס און ביי א 20 יידישע שאפארעס און אנדערע אנגעשטעלטע ביי דעם האלץ־מסחר, וועלכע לעבן איצט איבער זייער א שווערע צייט.

א מארק קומט פאר אין שטעטל איינמאל אין חודש, אלע 20־טן. אויפן מארק פארן פון פרעמדע קרעמער (קריסטן) מיט פארטיקע זאכן, שיך, באקאליי, וועלכע לייזן מער פון די ארטיקע קרעמער. אויך קומען קריסטלעכע בעקער, וועלכע ברענגען אויפן מארק געבעקס. גייסערדעס, זיינען דא אין די ארטיקע דערנער קריסטלעכע קראמען.

פאר דער מלחמה האט די שטעטל געהאט גרויס פרנסה פון „ספלאוו" פון האלץ אויף דער „סטשארע", וועלכער פלעגט גיין פון פאלעסיע קיין דייטשלאנד. אין שטעטל האט אויך געארבעט א טוך־פאבריק מיט א שפינעריי, וועלכע האבן געהערט צום ארטיקן פריץ. א 40 יידן האבן דארט געארבעט אלס וועבער, שפינער און שפוליארעס. עס האט נאך געארבעט א לעדער־פאבריק, וואס האט געהערט צו א יידן און אויף וועלכער במעט אלע ארבעטער (30—40) זיינען געווען יידישע און האבן זייער גוט פארדינט. אין 1915 יאר זיינען ביידע פאבריקן חרוב געווארן בעת די אפטרעטנדע רוסן האבן אונטערמינירט און פארברענט דעם גרעסטן טייל פון שטעטל. די מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג איז זיך דאן צעלאפן און האט זיך געפונען ביז איבער דער מלחמה אין די ארומיקע שטעטלעך.

א גרויסע הילף פארן שטעטל איז די אמעריקאנער שטיצע פון קרובים און פריינד, וועלכע עס באקומט מער ווי 50 פראצ. פון דער יידישער באפעלקערונג.

2 בעקערייען האבן דורכגעפירט גרויסע רעמאנטן און זיינען אפן, די איבעריקע זיינען געשלאסן פון דער סאנאט.

בעליצע (לידער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז איבער 300 פאמיליעס, פון זיי [illegible] יידישע.

די הויפט־באשעפטיקונג — קרעמעריי און קליינהאנדל. די ביידע פרנסות שטייען זייער שלעכט. עס איז דא אן איבערפלוס פון קראמען. אויסערדעם, זיינען פאראן קריסטלעכע קראמען אין אלע דערפער. אין שטעטל גופא ארבעט א רייכער און גרויסער קריסטלעכער קאאפעראטיוו, וועלכער איז א געפערלעכער קאנקורענט פאר די יידישע קרעמער. ביים קאאפעראטיוו, אונטער אן דערוועלביקער אנפירונג, איז טעטיק א ליי־קאסע („כאסא סטעפאטשיקא"), וועלכע באווייזט גרויסע מיטלען. זיי „סטראשען" די פויערים, אז זיי וועלן ניט קריגן קיין הלוואות אין דער קאסע, אויב די פויערים וועלן ניט קויפן אין קאאפעראטיוו. איצט גרינדט אין דער קאאפעראטיוו מיט דער הילף פון דער ליי־קאסע א מילך־ווירטשאפט. זיי גיבן ארויס דער קריסטלעכער באפעלקערונג הלוואות אויף צו קויפן בהמות, די מילך וועלן זיי דערנאך טראגן אין קאאפעראטיוו, און אויף אזא אופן וועלן זיי אויסצאלן זייערע הלוואות.

די לאגע פון די יידישע קרעמער איז געווארן נאך ערגער, זינט די פארוואלטונג פון קאאפעראטיוו האט אוועקגעשטעלט, ניט קוקנדיק אויף די פראטעסטן מצד דער יידישער באפעלקערונג, א גרויסן בנין אינמיטן מארק, וואו מען האט איינגעארדנט דעם קאאפעראטיוו. איצט שטעלט

מען אויף אַ צווייטן גרויסן בנין פאַר דעמזעלבן צוועק אויף דעם פּלאַץ, וואו עס שטעלט זיך אויס דער פערד- און בהמות-מאַרק, וועלכער איז מיט אַ צייט צוריק איבערגעטראָגן געוואָרן פון צענטער אויסערן שטעטל.

אויפן מאַרק, וועלכער קומט פאָר מיטוואָך, פאָרן אָן פרעמדע קרעמער (ס'רוב קריסטלעכע) מיט כלערליי סחורות. אויך ברענגען אָן בעקער פון לידע און פון די אַרומיקע שטעטלעך (אויך ס'רוב קריסטלעכע) געבעק און ברויט.

דער קליינהאַנדל פירט זיך אין זייער אַ קליינעם פאַרמאַט און ליידט אויך פון אַן איבערפלוס אין קליינהענדלער און פון דער פרעמדער קאָנקורענץ.

די בעל-מלאכות, דערהויפּט שוסטער און שניידער זיינען געדריקט. שניידער און שוסטער זיינען פאַראַן אין אַלע דערפער. די קריסטלעכע באַפעלקערונג הויבט אַלץ מער און מער אָן צו ניצן פאַרטיקע שיך און זאַכן.

די 5 בעקערייען אין שטעטל זיינען אַלע געשלאָסן. מ'האָט די בעקער געשטעלט גרויסע פאָדערונגען, וועלכע זיי זיינען ניט ביכולת צו דערפילן.

פאַר דער מלחמה האָט אַ גרעסערער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל געלעבט פון „פּלאַטוי" פון האָלץ אויפן ניעמאַן קיין דייטשלאַנד. עס זיינען געווען פאַרשיידענע פּאָדריאַטשיקעס ביים „פּלאַטוי", פון וועלכע ס'פלעגן פאַרדינען פיל מענטשן. אַנדערע פלעגן פאַרדינען פון „זוזקע", פון טאָג-אַרבעט ביים ברעג א. אַ. וו. איצט איז דאָס אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען.

גלובאָקע (ווילנער קרייז).

די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 1.200 פאַמיליעס, פון זיי 800 יידישע.

די הויפּט-באַשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי, קליינהאַנדל (ס'רוב פון די קליינהענדלער זיינען פּראַסלער, ד. ה. פאַרמיטלער ביים איינקויפן פון תבואה, זוימען און פלאַקס צווישן פויער און גרויסן סוחר) און בעל-מלאכות.

אין שטאָט אַרבעטן 5 קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון: דער קאָאָפּעראַטיוו „ראָלניק", וועלכער ווערט געשטיצט פון סיימיק, 3 קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך גרופּעס פון אָרטיקע גוטסבאַזיצער און פון גלח, און 1 ווייסרוסישער קאָאָפּעראַטיוו. אין „ראָלניק" איז דאָ באַקאַליי, אייזן און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. דער „ראָלניק" און דער ווייסרוסישער קאָאָפּעראַטיוו ליידן זייער ניט. אָבער אויך די 3 גרויסע יידישע „הורטאָווניקעס", וועלכע געפינען זיך אין גלובאָקע, מאַכן ניט קיין שלעכטע געשעפטן. אין גליבאָקע איז דאָ אַ צענטער פון אַ גאַנץ גרויסער אַרומיקער סביבה, פון שטעטלעך און פון דערפער, וועלכע קויפן דאָ איין אַלע נייטיקע סחורות. היינטיקס יאָר גייען דאָ דורך דורכן אָרטיקן פּריוואַטן האַנדל צענדליקער וואַגאָנעס מיט קאָרן, מעל א. אַז. וו. די גרעסערע סוחרים און קרעמער (אומגעפער אַ 10 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג) אַפילו אין דעם איצטיקן קריזיס-יאָר, האַנדלען און פאַרדינען.

דערפאַר אָבער שטייט די גאַנצע איבעריקע מאַסע פון די קלענערע קרעמער, קליינהענדלער (פּראַסלער) און בעלי-מלאכות זייער שלעכט. די סיבה דערפון איז די אומגעראָטעניש פון פאַריקן זומער אויף תבואה, זוימען און פלאַקס. די קליינהענדלער, קאָראָבעלניקעס און בעלי-מלאכות זיצן דעם גאַנצן ווינטער ליידיק, האָבן קיין שום באַשעפטיקונג אָדער אַרבעט, און זייער לאַגע, ווי אויך די לאַגע פון די קלענערע קרעמער (ד. ה. 90 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל קרעמער), איז אַ קריטישע און זייער אַ טרויעריקע. פאַר 35 פאַמיליעס גייט מען קלייבן ברויט און האָלץ איבערן שטאָט.

דונילאָוויטש (פּאָסטאַווער קרייז).

די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 400 פאַמיליעס, פון דעם 200 יידישע.

די הויפּט-באַשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי, קליינהאַנדל און האַנטווערקעריי.

די קרעמער ליידן פון מאַנגל אין קרעדיט און, איבערהויפּט, פון דער שטאַרקער קאָנקורענץ מצד דעם פּוילישן קאָאָפּעראַטיוו, ווי אויך פון די פרעמדע קרעמער, וועלכע פאָרן אָן אַהערצו אויף די מערק. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אַלע סחורות, אויסער מאַנופאַקטור און שיכוואַרג. ער ליידט זייער פיל. די פרעמדע קרעמער (ס'רוב קריסטן), וועלכע קומען אַהער צום מאַרק (דער מאַרק קומט דאָ פאָר איינמאָל אין וואָך, אַלע דינסטאָג), ברענגען צו פירן שניט, לעדער, גאַלאַנטעריי, זייף, הערינג און אַנדערע באַקאַליי-סחורות. זיי פּטרן צוועק די פּרייזן, און ברענגען דערמיט צו אומגעהייערן שאָדן די אָרטיקע יידישע קרעמער. שניט קויפן זיי אָן רעסטן און פאַר מזומן געלט. די סחורה מאַכט זיי אויס אַזוי אַרום פיל ביליקער ווי דעם יידישן קרעמער, וועלכער פּאַסט נאָר ראַיעלע סחורה און נעמט עס אויף קרעדיט. דער פּויער קלייבט זיך ניט פונאַנדער אין דער קוואַליטעט פון דער סחורה, און ער פאָדערט, אַז דער יידישער קרעמער זאָל אים אָפּגעבן זיין ראַיעלע סחורה אויף דעם זעלביקן פּרייז, ווי דער פרעמדער קרעמער פאַרקויפט אים די רעשטן. באין ברירה, ווייל עס שאַטן די צאָלונגען פון די וועקסלען, איז דער יידישער קרעמער גענייטיקט אָפט צו פאַרקויפן זיין סחורה אָן פּרנסה און אַמאָל אַפילו אונטערן קרן. און אַזוי איז די לאַגע אויך מיט די אַנדערע סחורות. הערינג, למשל, פאַרקויפן די פרעמדע קרעמער 8 שטיק (און גוטע סחורה) פאַר אַ זלאָטע, אין דער צייט, ווען דער יידישער קרעמער, וועלכער מוז זיך שטעלן עטוואָס פּרנסה אויף דעם, קען געבן פאַר אַ זלאָטע מער ניט, ווי 6 שטיק. די זאַך דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער קריסטלעכער קרעמער (געוויינלעך אַ דאָרפישער פּויער) דאַרף ניט לעבן פון קרעמעריי, און עס איז ביי אים, אַזוי צו זאָגן, אַ ביי-זאַך.

דער קליינהאַנדל פירט זיך דאָ אין זייער אַ קליינעם מאַסשטאַב. דער פלאַקס- און זוימען-האַנדל איז דאָ ניט אַנטוויקלט. די קליינהענדלער פירן אויסן דאָרף פאַרשיידענע סחורות, וואָס זיי בייטן עס אויס ביים פּויער אויף טעלכלעך, חזיר-האָר, שמאַטעס, קאָרטאָפל א. אַז. וו. צוליב דער אָרעמקייט פון פּויער זיינען היינטיקס יאָר אויך די קליינהענדלער זייער געדריקט.

די האַנטווערקער, איבערהויפּט שוסטער און שניידער, זיינען אַרבעטסלאָז. בכלל, איז אין די לעצטע יאָרן דאָ זייער ווייניק אַרבעט, ווייל ס'קויפט זיך אַלץ מער און מער פאַרטיקע שיך און בגדים, ווי אויך צוליב דעם, וואָס סיי אין שטעטל ניטאָ, ווי אויך אין אַלע דערפער זיינען דאָ פיל קריסטלעכע בעלי-מלאכות. אויך מערן זיך אין די דערפער די צאָל פון די קריסטלעכע קראָמען.

ווי עס האָט איבערגעגעבן אַן אָרטיקער פורמאַן, וועלכער נעמט אָפּ פון באַן די גאַנצע סחורה, וואָס קומט אָן פאַר די היגע קרעמער, האָט זיך היינטיקס יאָר פאַרקלענערט דער קוואַנטום סחורה (גערעכנט אין פורן), וואָס איז אָנגעקומען מיטן באַן פאַר די אָרטיקע יידישע קרעמער, מער ווי אויף אַ העלפט.

דאָוגעלישעק (סווענציאַנער קרייז).

די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 350 נפשות, פון זיי 175 יידן.

עקאָנאָמיש איז די שטעטל פולשטענדיק רויאינירט. גאַנצע 75 פּראָצ. פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען לויטער אָרימעלייט, וועלכע קעמפן ביטער פאַר זייער טאָג-טעגלעכן ברויט. מען געפינט דאָ מאַנופאַקטור-קרעמער פון פאַר 2 יאָרן, וועלכע מוזן איצט וואַנדערן איבער ווייטע דערפער, וואו זיי קויפן איין אַ פּאָר קילאָ פיש, פון וועלכע זיי פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס אַ וואָך. זייערע געשעפטן, וואָס זיי האָבן געפירט פריער, זיינען אונטערגעגאַנגען צוליב דעם, ווייל דער פּדיון איז געווען אַ מינימאַלער, און שטייערן האָט מען געמוזט צאָלן גרויסע. זייער איצטיקער לעבן איז אַ העכסט קלאָגעדיקער. עס זיינען דאָ אַרבעטסלאָזע בעל-מלאכות, וואָס זיי מיט זייערע פאַמיליעס הונגערן ממש. אַלע כאַפּן זיך צום דאָרפס-האַנדל. דער הויפּט-אַרטיקל פון דעם האַנדל איז פיש. מ'וואַנדערט אַרום צו פוס אין די דערפער פאַר 10—15 קמ. ווייט, כדי נאָכדעם צו ברענגען אַהיים אַ 4—5 קילאָ פיש. מ'קען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פּרנסה עס קען איינברענגען אַזאַ מין מסחר. זיך פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש — איז אַבסאָלוט ניטאָ מיט וואָס. ווער עס קען נאָר — אַנטלויפט פון שטעטל. עס גייט פון דאַנען אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע עמיגראַציע קיין אַרגענטינע, דרום-אַמעריקע א. אַ. לענדער, וואו אַ יידישער עמיגראַנט קען זיך נאָך צוריינשטופּן. די הוצאות אויף דער רייזע שאַפט מען זיך אָן דורכן פאַרקויפן אַלץ, וואָס מ'האָט דאָ, אין שטעטל. אָבער ווען דאָס איז אויך ניט מעגלעך, זיינען געווען פאַלן, ווען מען כאַפּט אָן וואו און וואָס נאָר עס לאָזט זיך (ס'רוב סחורה אויף קרעדיט ביי די ווילנער קרעמער), מען מאַכט עס צו געלט און ויברח.

האַנטווערקער זיינען דאָ אַן ערך 40 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, קרעמער אַ 25 פּראָצ., די איבעריקע זיינען דאָרפס-הענדלער אָדער מענטשן אָן קיין שום באַשעפטיקונג. מיטן דאָרפס-האַנדל פאַרנעמען זיך אָבער אויך די אַרבעטסלאָזע בעל-מלאכות, אַזוי, אַז דער פּראָצענט פון די דאָרפס-הענדלער איז אַ 50—60 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

דער מאַרק איז איינגעפירט געוואָרן ערשט מיט 3 חדשים צוריק. ער קומט פאָר אַלע מאָנטאָג. עס פאָרן זיך אויף זייער ווייניק פּויערן. די באַפעלקערונג איז איינגעוווינט צו פאָרן אויפן מאַרק אין די אַרומיקע גרעסערע שטעט: ווידזי און סווענציאַן. קיין בהמות און פערד-מאַרק קומט איינגאַנצן ניט פאָר.

די סביבה אָרים — אַן אָרימע. דער באָדן אַ ליימיקער, צום טייל באַדעקט מיט וואַלד אָדער אויך מיט זומפּעס. נאָך דער אומגעראָטעניש, וואָס איז דאָ אויסגעפאַלן אין 1927 און 1928 יאָר איינע נאָך דער אַנדערער, איז די היגע פּויערישע באַפעלקערונג שטאַרק פאַראָרימט. דאָס רופט זיך אָפּ אויפן בעל-מלאכה און קרעמער. דער פּויער האָט ניט די קלענסטע מעגלעכקייט, ניט צו מאַכן זיך וואָס, ניט עפּעס צו קויפן. אַפילו דער קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס אַרבעט אין שטעטל, שטייט צוליב דעם גאַנץ שוואַך.

אין די דערפער אַרום זיינען דאָ קריסטלעכע בעל-מלאכות פון אַלע פאַכן.

אַלע בעקערייען און יאַטקעס זיינען געשלאָסן. אויסער די געפאָדערטע רעמאָנטן, וואָלטן זיי ניט געקענט אַרבעטן צוליב נאָר אַן אַנדער טעם: קיין בעקעריי און יאַטקע קען דאָ ניט לעבן פון אָרטע

DFG

הכנסות די הוצאות פון פּאַטענט און שטייערן. צוליב דעם [illegible] עס איז אין שטעטל ניטאָ אויך קיין איין ייִדישע „פּיוואַרניע“ (ביר־שטוב).

דובינאָווע קאָלאָניע (בראַסלאַווער קרייז)

די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג באַטרעפט 95 פאַמיליעס, פון זיי 90 ייִדישע און נאָר 5 קריסטלעכע. די קריסטן, וואָס וווינען דאָ, האָבן אַליין קיין ערד ניט, און לעבן פון דעם, וואָס זיי פאַרדינען ביי די ייִדן.

די הויפּט באַשעפטיקונג איז ערד־אַרבעט. דער ייִדישער באַזיץ פון באָדן אין דער קאָלאָניע באַטרעפט 540 העקטאַר, אין דעם איז פאַראַן אַ טייל אומפרוכטבאַרער באָדן און 3 קליינע וועלדעס (דאָס אַרענדע־געלט פאַר די וועלדעס, 82 זל. אַ יאָר, איז דעם רבֿ׳ס אַ הכנסה). עס ווערן באַאַרבעט איבער 300 העקטאַר ערד. מ׳זייט קאָרן, גערשטן, האָבער, אַרבעס, באָב, גריקע. מ׳פלאַנצט קאַרטאָפל. יעדערער האָט לעבן שטוב אַ גאָרטן, כמעט אַלע האָבן פערד. די קאָלאָניע האָט אויך אַ לאָנקע. די ערד באַאַרבעטן די קאָלאָניסטן אַליין. אַלע האָבן צו 1 פערד, און קי פון 1 ביז 4. אויף איינשאַפן קי האָבן די קאָלאָניסטן באַקומען אַ הלוואה פון „אָרט“, וועלכער האָט אין יאָר 1927 איינגעאָרדנט אין דער קאָלאָניע אַ מילך־ווירטשאַפט (די איינציקע ייִדישע אין גאַנץ ווילנער געגנט) אלס קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דעם ייִדישן רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד. דער קאָאָפּעראַטיוו ברענגט די קאָלאָניסטן זייער גרויסע נוצן. מיטן מילך, וואָס זיי שטעלן צו אין קאָאָפּעראַטיוו, צאָלן אויס די קאָלאָניסטן זייערע הלוואות אויף די קי. אין פאַריקן זומער פלעגט דער קאָאָפּעראַטיוו האָבן 500—700 ליטער מילך טעגלעך. פון מילך מאַכט מען אין דער ערשטער ריי זייער הויכער [illegible] זיסן פּוטער, און נאָכדעם, אין משך פון גאַנצן זומער ביז אין האַרבסט אַריין, האָלענדער קעז. ווער עס דאַרף ניט צאָלן אויף דער הלוואה, דער באַקומט אויסגעצאָלט יעדן חודש פאַרן מילך, וואָס ער האָט צוגעשטעלט אין קאָאָפּעראַטיוו. דאָס פאַרגרעסערן זיך פון דער צאָל קי אין קאָלאָניע איז זייער וויכטיק אויך דערפאַר, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן איצט פיל מער מיסט, ווי פריער, און זיי קענען איינבעסערן זייער ערד־ווירטשאַפט.

דער באָדן פון דער קאָלאָניע רעכנט זיך אין געגנט ניט פאַר קיין שלעכטן. די גערעטעניש אין אַ נאָרמאַלן יאָר איז געוויינלעך אַ 4—5 פאַליקע.

די שרעקלעכע אומגערעטעניש, פון וועלכער עס האָט אין פאַריקן זומער געליטן דער גאַנצער בראַסלאַווער קרייז, האָט ניט אויסגעמיטן אויך די ייִדישע קאָלאָניע. אַלץ, וואָס איז געווען פאַרזייט אויף די פעלדער, איז פאַרלאָרן געגאַנגען. היי איז ניט געוואַקסן. מער ניט ווי קאָרן איז ביי די ייִדישע קאָלאָניסטן ניט אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען, און די גערעטעניש פון דעם איז געווען ביי די ייִדן עטוואָס בעסער, ווי ביי די קריסטלעכע שכנים פון די אַרומיקע דערפער. אָבער אייגענע ברויט האָבן ס׳רובֿ קאָלאָניסטן געהאַט מער ניט, ווי אויף אַ פּאָר חדשים.

די בעל־מלאכות אין דער קאָלאָניע, פון וועלכע די מערהייט באַשטייט פון שניידער (איבער אַ צענדליק), האָט געלעבט פון פויער. ווינטער פלעגן זיך די בעל־מלאכות אַוועקלאָזן, ווער צו פוס און ווער מיט אַ פערד און וואָגן (יעדער היגער בעל־מלאכה האָט אַ קלענערע אָדער גרעסערע ערד־נחלה, וועלכע ער באַאַרבעט זומער, און ווינטער האָבן אַלע בעלי־מלאכות אויך פערד), אין די נאָענטע און ווייטערע דערפער פון דער סביבה. די שניידער פלעגן מיטנעמען מיט זיך די נײ־מאַשין, ווי אויך אַ קליינעם רעשטל פון קלייַדער־פורניטור (אונטערשלאַק, קנעפּלעך א. אַ. וו.). די גאַנצע וואָך פלעגן די בעל־מלאכות אַרבעטן אין די דערפער, ביי די פויערים אין די הייזער, ביי וועלכע עס פלעגט זיך זיי מאַכן אַרבעט. די הוצאות פון אויסקומען אין דאָרף פון בעל־מלאכה מיט זיין פערד זיינען געווען זייער קליינע. דער בעל־הבית, ביי וועלכן מען האָט געאַרבעט, האָט ניט געזשאַלעוועט ניט קיין שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל אָדער אַ ביסל מילך פאַרן מיטאָג, ניט קיין ביסל פוטער פאַר זיין פערד. אויף שבת פלעגט דער בעל־מלאכה זיך אומקערן אַ היים מיט זיין פאַרדינסט פאַר דער וואָך, וועלכע איז באַשטאַנען על פּי רובֿ פון ערד־פּראָדוקטן, זעלטענער אין מזומן־געלט. היינטיקס ווינטער זיינען אַלע בעלי־מלאכות אינדערהיים. צוליבן הונגער איז אַבסאָלוט קיין אַרבעט אויפן דאָרף ניטאָ.

קרעמער זיינען דאָ אין דער קאָלאָניע 4, קליינהענדלער איבער אַ צענדליק. די היגע קרעמער און קליינהענדלער זיינען ס׳רובֿ אויך, ווי די בעלי־מלאכות, האַלבע קאָלאָניסטן: זיי האָבן אַ שטיקל ערד, אַ פערד, איינע אָדער אַ פּאָר קי. קיין מאַרק קומט אין דער קאָלאָניע ניט פאָר. דער האַנדל דאָ פירט זיך אין זייער אַ קליינעם פאַרנעם. די הענדלער פאָרן אַרום איבער די דערפער און קויפן איין ביי די פויערים אין קליינע קוואַנטומס, אַלץ וואָס עס מאַכט זיך. היינטיקס יאָר, צוליבן הונגער אין דאָרף, זיינען אַלע הענדלער שרעקלעך אָרעם און געפינען זיך אין אַ גרויסער נויט.

דרויסק קאָלאָניע (בראַסלאַווער קרייז).

אין דער קאָלאָניע וואוינען ביי אַ 100 ייִדישע און נאָר 4 קריסטלעכע פאַמיליעס.

הייזער זיינען דאָ אין דער קאָלאָניע 92, פון זיי געהערן 90 צו ייִדן און 2 צו קריסטן.

דער ייִדישער באָדן־באַזיץ אין דער קאָלאָניע איז 380 העקטאַר. ערד־נחלות האָבן ביי אַ 80 ייִדישע פאַמיליעס. 20 פאַמיליעס האָבן ניט קיין ערד. פון די 80 קאָלאָניסטן לעבן אויסשליסלעך פון דער ערד־אַרבעט און באַאַרבעטן אַליין זייער באָדן נאָר 22. די איבעריקע קאָלאָניסטן, וועלכע פאַרנעמען זיך אַליין מיט אַנדערע באַשעפטיקונגען, גיבן אַרויס זייער באָדן פאַר אַ טייל פון דער גערעטעניש, וואָס זיי באַקומען נאָכן שניט, פויערים פון די שכנותדיקע דערפער. דאָ ווערט עס אָנגערופן באַאַרבעטן די ערד דורך „זאַפּאָסניקעס“. אייסערן באָדן, גיבן די ייִדן דעם „זאַפּאָסניק“ דעם גאַנצן סכום מיסט, וואָס די פעלד פאָדערט, און אַ העלפט זריעה. נאָכן שניט באַקומט דער בעל־הבית פון פעלד געוויינלעך אַ העלפט פון דער גאַנצער גערעטעניש. דאָ זייט מען קאָרן, גערשטן, האָבער, ווייץ צו ציבלעך, קאַרטאָפל, באָב און אַרבעס, אויך פלאַקס. פוטער־גראָז זייט מען ווייניק. אַלע האָבן גרינס־גערטנער. די לעצטע צייט האָט מען אָנגעהויבן צו פלאַנצן אויך סעדער (די פלאַנצן ניט „יק״א“). קי האָט כמעט יעדער קאָלאָניסט צו 2—3. די, וואָס באַאַרבעטן אַליין זייערע פעלדער, האָבן אויך צו איינעם אָדער צו אַ פּאָר פערד. מען האָדעוועט אויך צו עטלעכע שעפּסן, און דער גרעסטער טייל קאָלאָניסטן קליידט זיך אין דעם שטאָף (געוואַנט), וואָס ווערט אויסגעאַרבעט פון דעם וואָל פון די אייגענע שעפּסן אויף אַן אָרט (אין די וואַליושן ביי די ווינט־ אָדער דאַמף־מילן, וואָס זיינען דאָ אין דער סביבה).

ביז איצט האָט יעדערער געהאַט זיין ערד־נחלה אין לאַנגע, שמאָלע „שנורעס“, צעוואָרפן אין עטלעכע ערטער, ווי עס איז אויך געווען דער פאַל אין אַלע אַנדערע דערפער, ביי די קריסטן. איצט האָט די מאַכט אין גאַנצן קאַנט איינגעפירט אַ נייע איינטיילונג פון די נחלות, אין „כוטאָרעס“. אין גרעסטן טייל דערפער האָט יעדער לאַנדווירט איבערגעטראָגן זיינע געביידעס אויפן פּלאַץ פון זיין „כוטאָר“. פאָרנדיק דורך די דערפער, זעט מען, ווי אַ טייל פון זיי האָבן זיך שוין איבערגעטראָגן און זיך צעוואָרפן איבער די ווייסע שטחים פון די פעלדער. פאַר דער ייִדישער קאָלאָניע, ווייזט אויס, וועט דער מאָדוס ניט אָנגעווענדעט ווערן, מסתמא צוליב דעם, ווייל נאָר ווייניק פון די היגע קאָלאָניסטן האָבן גענוגנדע ערד־נחלות, אַז זיי זאָלן קענען בילדן יעדערער פאַר זיך אַ זעלבשטענדיקן „כוטאָר“.

דאָס איינטיילן דעם באָדן אויף „כוטאָרעס“, וואו יעדער קאָלאָניסט באַקומט זיין גאַנצע ערד־נחלה (פעלד און לאָנקע) קאָנצענטרירט אין איין אָרט (געוויינלעך ווערט אויסגעטיילט פאַר יעדער זיין נחלה אין פאָרם פון אַ קוואַדראַט, גראָדווינקל א. אַז. וו.), איז ניט פאַר אַלעמען פון גלייכן נוצן. אַזוי פריער איז די שיתּופֿישע לאָנקע געווען גרייט פאַר יעדן איינציקן קאָלאָניסט, אומאָפּהענגיק פון דעם, וויפיל ערד ער האָט, צום אַרויסטרייבן אויף איר צום פּאַשן זיך, וויפיל שטיקלעך פי ער האָט פאַרמאָגט. וועט איצט דער, וואָס האָט אַ קלענערע ערד־נחלה, זיך מוזן גוט אויסרעכענען, וויפל פאַר אַ צאָל פי קען ער אויסהאַלטן, לויט דער גרויס פון זיין „כוטאָר“. אַ גרויסע תקנה זיינען די „כוטאָרעס“ אַנטקעגן דאָס „אָפּעסן“ פון דער תבואה, ווי עס איז כסדר געווען דער פאַל פריער, ווען יעדערער האָט געהאַט זיין נחלה אין עטלעכע לאַנגע שנורעס, וועלכע זיינען געלעגן אין באַזונדערע ערטער און וועלכע עס איז געווען שווער איינצוהיטן פון היזק.

די אומגערעטעניש אויף די פעלדער פון דער קאָלאָניע און פון גאַנצן געגנט אַרום, ווי אין גאַנץ בראַסלאַווער קרייז, איז געווען אַ שרעקלעכע. כמעט אַלץ, וואָס מ׳האָט פאַרזייט, איז פאַרלאָרן געגאַנגען. די אומגערעטעניש האָט געטראָפן דירעקט די, וואָס לעבן אויסשליסלעך פון דער ערד־אַרבעט. אָבער פון איר פאָלגן קומט אויס צו ליידן אַלע איינוואוינער פון דער קאָלאָניע. די האַנטווערקער, קרעמער, קליינהענדלער, קאָראָבעלניקעס א. אַ. לעבן אַלע פון דער פויערשער באַפעלקערונג. און אַז די לעצטע הונגערט — רופט זיך דאָס אָפּ אויף דער לאַגע פון אַלעמען. ניט נאָר די ייִדישע ערד־אַרבעטער אין דער קאָלאָניע זיצן אָן ברויט, נאָר אויך די האַנטווערקער און אַ טייל פון די קליינהענדלער. די האַנטווערקער האָבן זינט האַרבסט 1928 יאָר אַבסאָלוט קיין אַרבעט ניט. וואָס איז נוגע די קליינהענדלער — זיינען די היינטיקס יאָר זייער געשלאָגן. דאָ איז געווען אַנטוויקלט דער האַנדל מיט פלאַקס. צוליב דעם פריצייטיקן פראָסט, איז היינטיקס יאָר דער היגער פלאַקס פון זייער אַ געמיינער קוואַליטעט, וועלכן קיינער וויל אין האַנט ניט נעמען. קיין מסחר מיט תבואה איז אין דעם קאַנט אינגאַנצן ניטאָ, ווייל די היי־יאָריקע גערעטעניש פון תבואה און פון קאַרטאָפל איז אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען. פי, צוליב דעם, וואָס עס פעלט אויס פאַר איר פוטער, איז היינטיקס ווינטער זייער געפאַלן אין פּרייז, און שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין קעגנשטאַנד פון מסחר. די קאָראָבעלניקעס האָבן אויפגעהערט צו פאָרן איבער די דערפער. דער פויער איז אַזוי אָרעם, אַז ער האָט ניט ביכולת צו קויפן אַפילו אַ פונט הערינג אָדער נאַפט, זייף א. אַ. קעגנשטענדער פון זיין טעגלעכן באַדאַרף. די קרעמער ליידן אויך נויטיש. דער מאַרק קומט דאָ פאָר איינמאָל אַ וואָך, און שטענדיק איז ער זייער אַ קליינער. קיין קלויסטער־

אין דאָ ניטאָ. פון די פויערים זיינען ניט געוווינט צו פאָרן אין דער יידישער קאָלאָניע. זיי פאָרן אויף די מערק אין די נאָענטסטע שטעט בראַסלאַוו און דרויע. היינטיקס ווינטער, צוליב די מוראדיקע קעלטן, ווי אויך צוליבן הונגער, ווייל דער פויער האָט ניט וואָס צו פאַרקויפן און פאַר וואָס צו קויפן, קומען כמעט קיין מערק גאָרניט פאָר. ווי אַ תּיגער אייזן־ און לעדער־קרעמער האָט איבערגעגעבן, האָט ער פאַר דער גאַנצער וואָך, פון דינסטאָג ביז דעם דאָנערשטאָג, געלייזט בס״ה 32 זל. און שטייערן דאַרף מען דאָ צאָלן ניט קיין קליינע, וועקסלען דאַרף מען אויך צאָלן און דערצו נאָך דאַרף מען לעבן.

איניקע יידישע אָנגעשטעלטע אין דער וואַלד־גראַניטשע גייען איצט אַרום אין דער קאָלאָניע אָן אַרבעט, ווייל די מאַכט עקספּלאָאַטירט איצט איוועלדער אויף דער אייגענער רעכענונג.

אין דער קאָלאָניע שטייען אַ פּאָר הונדערט סאָלדאַטן פון דער גרעניץ־וואַך. די הכנסה, וואָס די קאָלאָניע האָט פון זיי, פאַרלייכטערט אַ ביסל די לאַגע. די יידן האָבן אַן אַריינטראָג פון דירה־געלט (קאַסאַרן, שטאַלן, סקלאַדן, וואַכטונגען פאַר די אָפיצערן). אַזוי ווי די קאַנטינע פאַר די סאָלדאַטן בעפינט זיך 8 קילאָמעטער ווייט פון דער קאָלאָניע (אין שטעטל מלאַנאַרקע), פאַלט אויך צו אַמאָל אַ פּדיון די קרעמער, קצבים, בעקער. די באַציאונגען צווישן דער באַפעלקערונג און מיליטער זיינען דאָ זייער גוטע, מ׳רירט ניט אָן אַ יידנס וואָס אַ האָר איז ווערט.

דעווענישעק (אָשמענער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג באַטרעפט 250 פאַמיליעס, פון זיי 140 יידישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי, דאָרף־האַנדל און האַנטווערקעריי (וואַרשטאַטן פון סאַנדעס).

אין שטעטל זיינען דאָ 60 יידישע קראָמען און 2 פּוילישע קאָאָפּעראַטיוון. די קאָאָפּעראַטיוון האָבן אויסער צוקער, באַקאַליי, גאַלאַנטעריי, לעדער און שוכוואַרג, בלויע־געשיר א. אַז. וו. די גמינע שטיצט זיי. אויך לייזן זיי זייער גוט. סחורה ברענגען זיי פון גרויסן פּוילישן קאָאָפּעראַציוו, וועלכער אַרבעט אויף דער באַן־סטאַנציע ביניאַקאָני (21 קילאָמ. ווייט), וועלכער שאַפט סחורות וואַגאָנענווייז, און גיט די היגע קאָאָפּעראַציוון אַ גרויסן קרעדיט. די יידישע קרעמער מוזן פירן סחורה מיטן פור פון ווילנע (63 קילאָמ. ווייט). זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די יידישע קרעמער קאָסט די סחורה טייערער, און זיי קענען ניט אויסהאַלטן די שאַרפע קאָנקורענץ מצד די פּוילישע קאָאָפּעראַציוון. צוליב דער דאָזיקער קאָנקורענץ און אויך צוליב דעם גרויסן איבערפלוס אין קראָמען, שטייט דאָ די קרעמעריי זייער שלעכט.

דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אַ וואָך. עס קומען אויסן מאַרק פרעמדע קרעמער מיט גאַלאַנטעריי, לעדער און שניט. אין די דערפער זיינען אויך דאָ קריסטלעכע קראָמען, און אין 2 גאָענטסטע דערפער זיינען דאָ אָפּטיילונגען פון די קאָאָפּעראַציוון.

אַ 20—25 יידישע פאַמיליעס לעבן פון דאָרף־האַנדל. מ׳קויפט איין אין די דערפער קעלבער, הינער, אייער, פוטער, קעז א. אַז. וו. דאָס אַלץ פירט מען מיטן פור אין ווילנע, און צוריק אַלס חוזר פירט מען סחורה פאַר די היגע קרעמער. די דאָזיקע הענדלער מאַכן אַ לעבן ניט ערגער פון די קרעמער.

אין שטעטל אַרבעטן 5 יידישע וואַרשטאַטן, וועלכע מאַכן סאַנדעס (מאַנטשעסטער אַנצוגן, און מאַנטלען און פוטערס מאַנטשעסטער און ווייבערשע).

עס זיינען באַשעפטיקט ביי דעם ביי אַ 40 אַרבעטער, מענער און פרויען, אַלע יידן. אַן אַרבעטער פאַרדינט פון 20 ביז 30 זל. אַ וואָך. די סחורה ווערט פאַרקויפט ביי די סאַנדעס־קרעמער אין די אַרומיקע, נאָענטע און ווייטערע שטעטלעך (ווישנעוו, טראָב, אָלשאַן, וואָלאָזשין, אָשמענע א. אַ.).

אין אַלע דערפער זיינען פאַראַן קריסטלעכע בעלי־מלאכות פון אַלע פאַכן. אין שטעטל גופא זיינען דאָ 2 קריסטלעכע שוסטער ספּעציאַליסטן. יידישע בוי־אַרבעטער, אויסער איין יידישן סטאָליער, זיינען אין שטעטל לגמרי ניטאָ.

5 פאַמיליעס אין שטעטל באַזיצן אייגענע ערד, יעדערע צו 2 דעסיאַטין. זיי באַאַרבעטן די ערד אויפן אייגענעם חשבון, אָבער גרעסטנטיילס דורך געדונגענע אַרבעטער. אויסער די ערד האָבן זיי נאָך אַנדערע זייטיקע באַשעפטיקונגען.

האָלובּיטש (דיסנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 100 פאַמיליעס, פון זיי 10 קריסטלעכע.

די הויפּט־באַשעפטיקונג איז האַנטווערקעריי (אין שטעטל זיינען דאָ ביז 40 האַנטווערקער, ד. ה. כמעט 50 פּראָצענט פון דער גאַנצער ערטיקער יידישער באַפעלקערונג). אַלע האַנטווערקער, דערהויפּט אָבער שוסטער און שניידער, פלעגן אַרבעטן אויף קאָרן. היינטיקס יאָר זיינען אַלע האַנטווערקער אַרבעטסלאָז. אין אַז די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז פאַראָרעמט און הונגערט, גיט זי ניט קיין אַרבעט דעם בעל־מלאכה. אויך דער האָלץ־מסחר, וועלכער איז דאָ געווען שטאַרק אַנטוויקלט, איז געפאַלן.

עס שטייען אויך זייער שלעכט די היגע פּראַסלער (קאָראָבעלניקעס). מייסטנס האָבן ניט די היגע קאָראָבעלניקעס קיין פערד. דאָס ביסל סחורה (זייף, שפּילקעס, טיכלעך א. אַ.) טראָגן זיי אויף זיך, און בייטן עס אויס אין דאָרף אויף תּבואה. היינטיקס יאָר, צוליבן הונגער אין דאָרף, האָט זיך דער דאָזיקער טויש־האַנדל אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

דער מאַרק איז דאָ איינגעפירט זינט אַ יאָר צייט. ער קומט פאָר איינמאָל אַ וואָך, אַלע דינסטאָג. די מערק זיינען קליינע. אין אַלגעמיין, איז דער פּדיון אַ ניסטיקער: דער פויער, אַלס קאָנסומענט, קומט היינטיקס יאָר לגמרי ניט אין רעכענונג.

צו קבצה קומען פאָרלויפיק אָן נאָר 5 פאַמיליעס, אָבער שטאַרק פאַראָרעמטע פאַמיליעס, וועלכע האָבן ניט זייער טעגלעכע אויסקומעניש, איז דאָ איבער 30.

האָראָדזיי (ניעסוויזשער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 1.200 נפשות, פון דעם ביי אַ 1.000 יידן.

פאַר דער מלחמה איז האָראָדזיי געווען אַ גרויסער מסחר־צענטער. דאָ זיינען געווען גרויסע באַקאַליי־געשעפטן און סקלאַדעס פון הערינג, זאַלץ, נאַפט און אייזן. עס האָט זיך געפירט אַן אַנגראָ־האַנדל אין זייער אַ גרויסן מאַסשטאַב. די אָפּנעמער זיינען געווען אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון אַ גרויסער געגנט אַרום און אַרום. אויך איז האָראָדזיי געווען די צענטראַלע באַן־סטאַנציע פאַר אַ קאָלאָסאַלן תּבואה־האַנדל, וועלכער האָט זיך דאָ געפירט. אין די תּבואה־שפּייכלערס פון האָראָדזיי פלעגט מען אָנפירן גרויסע מענגעס פון קאָרן, גערשטן, האָבער און ווייץ, וועלכע פלעגן נאָכדעם פאַרלאָדעוועט ווערן אין וואַגאָנעס און פלעגן גיין אויף פעטערבורג און אַנדערע רוסישע שטעט.

אין דער מלחמה־צייט איז האָראָדזיי אינגאַנצן אַראָפּגעגאַנגען. די פריערדיקע רייכע סוחרים זיינען צורואינירט געוואָרן.

דער אַנגראָ־האַנדל האָט זיך איבערגעטראָגן אינגאַנצן אין דער נאָענטסטער שטאָט באַראַנאָוויטש. דער תּבואה־האַנדל ווערט איצט געפירט זייער קליין. די רייכסטע תּבואה־געגנט פון סלוצקער קאַנט („סלוציזנע“) ליגט איצט אויף יענער זייט גרעניץ.

די הויפּט־באַשעפטיקונג איז דער תּבואה־האַנדל. עס זיינען דאָ ביי אַ 30 תּבואה־סוחרים. ווי געזאָגט, פירט זיך איצט דאָ דער תּבואה־האַנדל זייער אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. היינטיקס יאָר שטייט דער תּבואה־מסחר איבערהויפּט שלעכט

קרעמער זיינען דאָ ביי אַ 25. דער מאַרק קומט פאָר דאָנערשטאָג. דער צופאָר צום מאַרק איז ניט קיין גרויסער, אין דעריבער איז די לייזונג אין מאַרק־טאָג אַ גאַנץ שוואַכער. אין שטעטל אַרבעטן 2 קריסטלעכע קראָמען. אויסערדעם, זיינען פאַראַן קריסטלעכע קראָמען אין אַלע דערפער.

די בעלי־מלאכות — איבערהויפּט שוסטער און שניידער — זיינען געדריקט. בעלי־מלאכות פון די דאָזיקע פאַכן זיינען דאָ אין אַלע דערפער. אויסערדעם, שלאָגט אַרונטער זייער פּרנסה דער מסחר מיט פאַרטיקע בגדים אין שיך.

פון די 5 בעקערייען זיינען 2 געשלאָסן. די 3 איבעריקע בעקערייען, וועלכע זיינען פון פריער געווען איינגעאָרדנט ניט שלעכט און האָבן געהאַט נייע אויוונס, האָבן געמוזט צעוואַרפן זייערע חיינער, פונאַנדערנעמען די אויוונס, אויסבויען נייע הייזער און מאַכן אויפסניי די גאַנצע אינעווייניקסטע איינריכטונג פון די בעקערייען. די 3 בעקער זיינען פאָלשטענדיק צורואינירט געוואָרן.

האַראַדישטש (באַראַנאָוויטשער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 360 פאַמיליעס, פון זיי 260 יידישע.

די הויפּט פּרנסה — קרעמעריי — שטייט זייער אין אַ שלעכטן מצב. דער מאַרק ווערט אָפּגעצויגן פון באַראַנאָוויטש, וואו די פויערים פאַרקויפן טייערער זייערע פּראָדוקטן און קויפן אין ביליקער אַלץ, וואָס זיי איז נייטיק. פון וואָך צו וואָך ווערט דער מאַרק אַלץ קלענער. אין אַלע דערפער אַרום האָבן זיך געעפנט קריסטלעכע קראָמען, וועלכע ציען אויך אָפּ דעם פויערישן פּדיון. פון די האַנטווערקער שטייען זייער שלעכט די שוסטער. פאַר דער מלחמה פלעגן די שוסטער דאָ מאַכן פאַרטיקע סחורה, וועלכע פלעגט זיך פאַרזעצן אין גאַנצן געגנט אַרום. איצט אָבער גייט זייערע סחורה ניט אָן, און ביי אַ 30 שוסטער מאַטערן זיך דאָ זייער מיטן מאַכן אַ לעבן. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען פשוטע אביונים. אין די דערפער אַרום געפינען זיך פיל קריסטלעכע שוסטער.

2 בעקערייען האָט מען דאָ אינגאַנצן פאַרמאַכט. די איבעריקע פירן דורך רעמאָנטן. אָבער זיי קענען מיט זיי ניט פאַרטיק ווערן, ווייל אַלע טאָג קומען צו נייע פאָדערונגען.

דער מצב פון די עטלעכע סוחרים, וועלכע געפינען זיך דאָ, איז דערזעלבער ווי אין דער מיר (ז. ווייטער).

הערמאַנאָוויטש (דיסנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 190 פאַמיליעס, פון זיי 50 יידישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונגען זיינען קרעמעריי, קליינהאַנדל, האַנטווערקעריי און גערטנעריי.

פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען זייער אַנטוויקלט די באַשעפטיקונג מיט גערטנעריי. די הויפּט־ווירעזות זיינען דעמאָלט געווען אוגערקעס און קרויט, וועלכע פלעגן גרעסטנטיילס גיין אויף

דיסנע, און פון דאָרטן פלעגט מען זיי פונאַנדערפירן איבער דער גאַנצער דווינע (קיין ריגע, דווינסק, וויטעבסק א. אַ.). איצט זייט מען אויך כמעט אויסשליסלעך נאָר אוגערקעס און קרויט. אָבער פון נאָך דער מלחמה אָן איז ניטאָ פאַר זיי קיין אָפּזאַץ-מאַרק. די דווינע איז פאַרמאַכט (זי בילדעט די גרענעץ צווישן פוילן און ראַטן-רוסלאַנד). די אוגערקעס פירט מען איצט קיין גלובאָקע, דאָקשיץ, האָלהינאַוו א. אַ. אָבער, אויסער פון הערמאַנאָוויטש, פירט מען אַהין אוגערקעס אויך פון דיסנע און פון גאַנצן דיסנער געגנט. די פּרייזן זיינען דעריבער קליינע. און זינט נאָך דער מלחמה שטייט דער געשעפט ניט גוט.

קרעמער זיינען דאָ ביי אַ 20. זיי שטייען אַלע זייער שלעכט. דעם פדיון נעמען צו די פרעמדע קרעמער (ס'רוב קריסטן), וועלכע פאָרן אָן אויפן מאַרק, וואָס קומט דאָ פאָר איינמאָל אַ וואָך, אַלע מאָנטאָג, מיט מאַנופאַקטור, לעדער, גאַלאַנטעריי און באַקאַליי. די פרעמדע קרעמער מאַכן קאַליע די מקחים. די גלובאָקער ייִדישע קרעמער, למשל, לייזן דאָ אויפן מאַרק פון פויער אָבער מעל, גרויפּן, זאַלץ א. אַז. וו. דיזעלביקע פּרייזן, ווי די אָרטיקע קרעמער צאָלן אַליין פאַר די אַרטיקלען אין גלובאָקע. די ייִדישע פרעמדע קרעמער, וואָס ברענגען אַהער סחורות אויפן מאַרק, זיינען פריער על פי רוב געווען פלעקסער. און ווייל היינטיקס יאָר איז צוליב דער אומגערעטעניש ניטאָ קיין מסחר מיט פלאַקס, זיינען זיי געוואָרן וואַנדער-קרעמער, וועלכע פירן מיט זייער ביסל סחורה פון מאַרק צו מאַרק אין גאַנצן אַרומיקן געגנט, און פאַרדינען פון דעם ממש גראָשנס, אַבי נאָר ניט צו שטאַרבן פון הונגער.

קריסטלעכע קרעמער זיינען דאָ אין שטעטל 3. זיי שטייען מיט גרויסע געשעפטן און זיינען גאַנץ גוט אין מעמד, בעסער ווי די ייִדישע קרעמער. דער אונטערשייד צווישן אַ ייִדישן און אַ קריסטלעכן קרעמער איז דער, וואָס דער ערשטער דאַרף לעבן אויסשליסלעך פון דער קרעמעריי, און ביים צווייטן איז די קרעמעריי נאָר אַ זייטיקע באַשעפטיקונג, און לעבן לעבט ער פון די הכנסות פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער קריסטלעכער קרעמער איז צוליב דעם אויך ניט אַזוי פאַרשווינדלט ווי דער ייִדישער.

אין שטעטל זיינען דאָ 22 בעלי-מלאכות; 5 שוסטער, 15 שניידער מיט שניידערקעס, 2 גלעזער. צוליב דער אומגערעטעניש האָט קיינער פון זיי זינט הערבסט 1928 קיין אַרבעט ניט.

די שטייערן זיינען דאָ גרויסע, און די קרעמער און הענדלער קרעכצן ממש אונטער דעם שווערן שטייער-לאַסט. ביי אַ היגן קרעמער, וועלכער האָט פריער געפירט גרויסע געשעפטן און איז נאָכדעם צוליבן קריזיס געוואָרן אַ יורד, האָט מען אָפּגעשריבן און פאַרקויפט די שטוב-חפצים פאַר די פאַרלענגטע שטייערן, וועלכע ער איז ניט געווען בכח איינצוצאָלן.

וואָראָנאָווע (לידער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז איבער 200 פאַמיליעס, פון דעם 30 פאַמיליעס קריסטלעכע און די איבעריקע ייִדישע.

די הויפּט-באַשעפטיקונג איז קרעמעריי. פון קרעמעריי אַליין קען מען אָבער דאָ ניט לעבן. עס אַרבעטן אין שטעטל און אין דער סביבה דרייע, גוט אָרגאַניזירטע קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע ברענגען סחורה וואַגאָנענווייז און רופן אַרויס אַ שטאַרקע קאָנקורענץ פון די פּרייזן. שווערע סחורות (צוקער, זאַלץ, נאַפט א. אַ.) קויפן די ייִדישע קרעמער אַליין אין קאָאָפּעראַטיוו אין ביניאַקאָני (9 קילאָמעטער ווייט). אַ פאַרלייכטערונג אין דער לאַגע טראָגט אַריין דאָס, וואָס כמעט אַלע ייִדן אין שטעטל, ובתוכם אויך די קרעמער, האָבן גערטנער און האַלטן קי. די מילך פאַרקויפט מען אין דער נאָענטסטער מילך-ווירטשאַפט (אַ קריסטלעכע). פאַשע פאַר די קי האָבן 19 בע״ב אייגענע, געקויפטע מיט 5 יאָר צוריק ביים גראַף (73 דעסיאַטין). יק״אַ האָט אויסגעהאָלפן מיט אַ הלוואה אויף דער קניה. אויסערדעם האָט יק״אַ אין דער זעלבער צייט אויסגעהאָלפן מיט אַ הלוואה 30 פאַמיליעס צו קויפן פּלעצער (צו 3 דעסיאַטין יעדערער), צו פאַרפלאַנצן אויף זיי סעדער און אויפבויען הייזער.

אין שטעטל אַרבעטן 4 שניידערשע וואַרשטאַטן טאַנדעט-אַרבעט (מענער-קליידונג און פרויען-מאַנטלען). זיי גיבן אַרבעט אַ 40—50 אַרבעטער, איבערהויפּט פון דער יוגנט. די סחורה האָט אַן אָפּזאַץ אין אַ היגער סביבה אַרום. קאָנעקעניק-קרעמער קומען צופאָרן קויפן די סחורה פון גאַנץ ווייט (גלובאָקע, אָשמענע א. אַ.).

מען האָט פאַררעכנט אין שטעטל 10 בעקערייען. מען האָט פאַרחתמעט די אויוונס און דייזשעס. 3 האָט מען צוריק געעפנט, ווייל זיי האָבן זיך מחייב געווען אין אַ קורצער צייט דורכצופירן דעם געפאָדערטן רעמאָנט, וועלכער דאַרף אָפּקאָסטן צו 400—500 דאָלאַר יעדער אויבניקער בעקעריי.

אין די דערפער אַרום זיינען פאַראַן פיל קריסטלעכע הענטווערקער פון פאַרשיידענע פאַכן, וועלכע שלאָגן אָפּ די אַרבעט פון די ייִדישע הענטווערקער.

וואָרניאַן (ווילנער קרייז. ז. זייטן 383—396).

ווידז (בראַסלאַווער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 450 פאַמיליעס, פון זיי 230 ייִדישע.

די הויפּט-באַשעפטיקונגען פון די ייִדן זיינען קרעמעריי און קליינהאַנדל. עס זיינען דאָ אין שטעטל ביי אַ 120 קרעמער (איבער 50 פּראָצ.), קליינהענדלער (25 פּראָצ.) און בעלי-מלאכות מערניט ווי אַ 40 (אַ 16—17 פּראָצ. פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג).

אין שטעטל פילט זיך שטאַרק אַ גרויסער איבערפלוס פון קרעמער. דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אַ וואָך, אַלע דינסטאָג. אויפן מאַרק פאָרן אָן אַ מאַסע פרעמדע קרעמער (ס'רוב ייִדן) פון בראַסלאַוו, אָפּסע, דוקשט און סווענציאַן. זיי קומען מיט בילליקע סחורות. אייניקע סחורות, איבערהויפּט מאַנופאַקטור, לייזן זיי אונטערן פּרייז. זיי ברענגען אָן אַלערליי ראַמש, וועלכע זיי קויפן איין אין לאָדז ביליקער, ווי עס איז דער פּרייז פון רעעלע סחורה. אַ טייל פון די פרעמדע מאַנופאַקטור-קרעמער פאַרקויפן אויך גוטע סחורה אונטערן פּרייז, ווייל זיי האָבן שוין אין זינען צו באַנקראָטירן און ווילן וואָס שנעלער מאַכן די סחורה צו געלט. מיט אַזאַ מין מסחר ברענגען זיי אַ גרויסן שאָדן די היגע קרעמער. דער לעצטער, געטריבן דורך די וועקסל-צאָלונגען, וועלכע ער דאַרף טאָג-טעגלעך ערלעדיקן, זעט זיך גענויטיקט צו פאַרסנייִרן אויך זיין סחורה אונטערן פּרייז. עס גייט אים אין לעבן אָפּצולייזן אין מזומן אַ וועקסל עס איז [illegible], און אין דער מינוט קלערט ער ניט וועגן דעם ריוח אָדער היזק, וואָס ער האָט ביי דעם. דעם רעזולטאַט באַמערקט דער קרעמער ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען ער זעט זיך פּלוצלונג אַרום, אַז די פּאָליצעס אין קראָם זיינען פּוסט געוואָרן. ווייל אויסער די וועקסלען, מוז מען אויך צאָלן גרויסע שטייערן; און מען מוז אויך לעבן. די גאַנצע פּרנסה פון די איבעריקע קרעמער, וואָס האַנדלען מיט באַקאַליי און אַנדערע אַרטיקלען, האָבן אונטערגעשלאָגן די צוויי גרויסע קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס אַרבעטן אין שטעטל. איינער פון זיי איז אַ הורטאָווניע, און די ייִדישע קרעמער קויפן דאָרט צוקער, זאַלץ, הערינג, נאַפט, זייף און אַנדערע שווערע סחורות. די הורטאָווניע פאַרקויפט אָבער סחורה אויך אויפן איינצל און צו דיזעלביקע פּרייזן ווי דעם קרעמער. מ'קען זיך שוין פאָרשטעלן די פּרנסה, וואָס דער ייִדישער קרעמער קען האָבן ביים פאַרקויפן פון אָט די סחורות. דער צווייטער קאָאָפּעראַטיוו פאַרקויפט סחורה נאָר אויפן איינצל. ביי דעם קאָאָפּעראַטיוו געפינט זיך אַ רייכע לײַ- און שפּאָר-קאַסע. ער ווערט אויך געשטיצט פון דער גמינע און סיימיק. די קאָאָפּעראַטיוון צאָלן כמעט קיין שטייערן ניט. אין דערזעלבער צייט מוזן די ייִדישע קרעמער צאָלן גרויסע שטייערן. צוליב די שטייערן און צוליבן שלעכטן מצב, אין וועלכן עס געפינט זיך בכלל די היגע קרעמעריי, זיינען פאַר דער לעצטער צייט אונטערגעגאַנגען גרויסע געשעפטן. מענטשן זיינען געוואָרן פולשטענדיק רויאינירט און האָבן פאַרלאָרן זייער גאַנצן אייגנס. מערקווירדיק איז אָבער דערביי, וואָס קיין איינציקער באַנקראָט איז ניט פאָרגעקומען אין שטעטל פאַר דער גאַנצער צייט. מען מאַטערט זיך, מען פאַרלירט דעם גאַנצן אייגענעם קאַפּיטאַל, אָבער מען צאָלט אויס די פרעמדע חובות.

פון די 60 קליינהענדלער זיינען אַ 30—40 „פּראַסאָלער", וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן איינקויפן פון פלאַקס, ווייצן און אויך מיטן תבואה-מסחר, און די איבעריקע זיינען נאָר קליינע דאָרפס-גייער, מאַרק-הענדלער. אויף פלאַקס איז היי-יאָר אין ווידזער קאַנט געווען אַן אומגערעטעניש. די פּויערים לוינט ניט אויסצואַרבעטן („מיצלען") דעם פלאַקס. דער קאָאָפּעראַטיוו קויפט אים אָפּ ביי די פּויערים אין רויען צושטאַנד, אין די שטעטלעך. דער קאָאָפּעראַטיוו שיקט עס אָפּ אין אַ פלאַקס-צענטראַלע, אין פּויזן. עס איז פאָרויסצוזען, אַז דער גאַנצער פלאַקס-האַנדל וועט איבערגיין, אפשר שוין אין קומענדיקן יאָר, צום קאָאָפּעראַטיוו אין די הענט. די „פּראַסאָלער", וועלכע האַנדלען אויפן אייגענעם רעכענונג, אָבער אויף פרעמדע געלט, וועלן ניט זיין ביכולת בייצושטיין אַזאַ רייכן קאָנקורענט, וועלכער דיספּאָנירט איבער גרויסע געלט-מיטלען, קען אַוועקשטעלן דעם געשעפט אין אַ טויזנטיקן מאַסשטאַב און איז דירעקט פאַרבונדן מיט אַן אַלפּויליששער פלאַקס-צענטראַלע. זוימען האָבן גענומען היינטיקס יאָר איינקויפן אין גרויסע מענגעס אויף די ווידזער מערק אַגענטשטעלן פון בראַסלאַווער קאָאָפּעראַטיוו „ראָלניק", וועלכער טרייבט אין בראַסלאַוו אַן אייל-פאַבריק. תבואה איז היינטיקס יאָר אויך ווייניק אויפן מאַרק, צוליב דער אומגערעטעניש. דער קליינהאַנדל איז צוליב די אַלע אויסגערעכנטע כּבית שטאַרק געשלאָגן.

די בעלי-מלאכות שטייען אויך זייער שלעכט. אין אַלע דערפער זיינען דאָ שוסטער, שניידער, שמידן, סטאָליאַרעס א. אַז. וו. אין שטעטל גופא איז מער פון אַ העלפט שוסטער — קריסטלעכע. ביי די ייִדישע פעל-קרעמער זיצן קריסטלעכע שוסטער, וועלכע אַרבעטן ביליקער ווי די ייִדישע, און מאַכן טאַנדעט-אַרבעט, וועלכע זיי פאַרקויפן נאָכדעם אין די קראָמען. דאָס נעמט צו דאָס לעצטע ביסל פּרנסה ביי די שוסטער, וואָס פירן אייגענע וואַרשטאַטן. פון די דערפער קומען אין שטעטל אַריין קריסטלעכע סטאָליאַרעס, וועלכע מאַכן יעדע אַרבעט בחצי חנם. פיל פאַמיליעס

פון די בעלי-מלאכות זיינען פון גרויס. אין דעם טאג פון באזוך האט מען געקליבן אויף העלף פארן בעסטן יידישן שניידער אין שטעטל, וועלכער פירט א ווארשטאט מיט 5 ארבעטער, נאר זינט שוין א פאר חדשים, אז ער האט אבסאלוט ניט קיין ארבעט.

אין שטעטל איז געווען מער ווי א צענדליק יידישע פורמאנעס, וועלכע פלעגן פארדינען פון פירן די שווערע סחורות פון ווקסט (די באן-סטאנציע, 27 קמ. ווייט) קיין ווידז. איצט ברענגען ניט די יידישע קרעמער קיין שווערע סחורות. זיי קויפן אלץ אין קאאפעראטיוו. דער קאאפעראטיוו פירט אבער אראפ זיינע סחורות פון באן מיט קריסטלעכע פורן, וועלכע ער דינגט ביי דער סטאנציע פאר ביליקע פרייזן. א ייד, וועלכער מוז קויפן פארן פערד היי און האבער, קען בשום אופן פאר אזעלכע פרייזן ניט פארן. אלע פורמאנעס זיצן דעריבער אן קיין שום פארדינסט. עס ארבעטן איצט אין שטעטל 8 בעקערייען, וועלכע האבן דורכגעפירט גרויסע רעמאנטן. מען איז אבער ניט זיכער פאר ווייטערדיקע פארערונגען. 4 בעקערייען זיינען געשלאסן.

ווילייקע (גרויס-ווילייקע),

קרייז-שטאט, ווילנער וואיעוו. אין שטעטל זיינען פאראן 170 יידישע פאמיליעס ביי דער אלגעמיינער צאל באפעלקערונג פון 800 פאמיליעס. די לאגע איז ניט קיין שלעכטע. די באפעלקערונג איז א ווייסרוסישע, וועלכע קומט נאענט ביי יידן. עס מערקט זיך אן ערשיינונג, אז ס'ווערט קלענער די צאל פון די יידישע האנטווערקער אין אלע פאכן, און זייער ארט ווערט פארנומען פון קריסטן. די „קאזיאנע דעליאנקעס“ (דאס אויסהאקן די ערלויבטע טיילן פון די מלוכהשע וועלדער) זיינען אינגאנצן ארויס פון די יידישע הענט.

ווילייקע (ניי-ווילייקע), ווילנער

קרייז. די אלגעמיינע צאל פון די איינוואוינער אין שטעטל איז 7000 נפשות, פון זיי יידן ביי 700 נפשות (140 משפחות). א פאבריק-שטעטל מיט אן אייזנבאן-דעפא.

די הויפט-פרנסה ביי די יידן איז קרעמעריי און קליינהאנדל. דאך איז די צאל פון די קריסטלעכע קראמען 2 מאל גרעסער, ווי די יידישע. די קריסטלעכע געשעפטן, איבערהויפט קאלאניאל און גאלאנטעריי, זיינען זייער גרוים און גרייס אויסגעשטעלט. די קריסטן געניסן פון א גרויסן קרעדיט אין דער ארטיקער קריסטלעכער קאאפעראטיווער באנק אונטערן נאמען „רָלְנָא“. די ניט גרויסע הלוואות ביז 700—800 זל. די קאנקורענץ פון די פרייזן אויף אלע ארטיקלען איז א גרויסע. קיין מארק קומט ניט פאר. די הויפט-קונדשאפט, אויך ביי די יידן, איז א קריסטלעכע (באן-ארבעטער און באן-באאמטע). מען מוז געבן סחורה אויף קרעדיט אויף א גאנצן חודש. צום סוף חודש באקומט מען אבער ניט איינגעצאלט די גאנצע פארבארגטע סומע. עס מוזן בלייבן עקן. פון חודש צום חודש שטייגן די פארלענגערטע חובות. צוליב דעם איז א גרויסער מאנגל פון מזומנים.

אין לעצטן יאר האט דער ארטיקער מאגיסטראט אנגעהויבן אן אפראוויזאציע-אקציע, כדי צו באזארגן די שטאט מיט ביליקע שפייז-פראדוקטן. דערמיט האט ער אונטערגעשלאגן א טייל יידן זייער פרנסה.

אין שטעטל געפינען זיך 17 יידישע פאמיליעס, ביי וועלכע די פאטער זיינען טעגלעכע (שווארצע) ארבעטער אויף די היגע פאבריקן. צוליב דעם, וואס אויף איניקע פון זיי (טארטאק, טעקסטיל-פאבריק) האט זיך אפגעשטעלט די ארבעט צוליבן קריזיס אין דער האלץ-בראנזשע, זיינען א טייל פון אט די דאזיקע ארבעטער געבליבן אן ארבעט און זייערע פאמיליעס געפינען זיך אין א גרויסער נויט.

זאסקעוויטש (אשמענער קרייז).

א שטעטל, וואס גייט אונטער. ווער עס האט נאר נעהאט די מעגלעכקייט האט זיך ארויסגעכאפט פון דאנען. זומער 1928 האט מען געפרובט איינצופירן מערק, נאר זיי האבן אנגעהאלטן ניט מער פון 8 וואכן און נאכדעם זיינען זיי זיך מער ניט צוזאמענגעקומען. אין שטעטל איז ניטא קיין איין קראם, וואו דער פויער זאל קענען איינקויפן אלץ, וואס ער באדארף פאר זיין הויזלעכן געברויך. קיין מאנופאקטור- און אייזן-געשעפטן זיינען דא בכלל ניטא.

די יידן האבן זיך פארנומען גרעסטנטיילס מיט פארן איבער די דערפער, דאס זיי האבן געפירט א סוחר-האנדל. זיי האבן איינגעהאנדלט כמעט, חזיר-האר א. ד. ג. און האבן געצאלט פאר דעם מיט זייף, שפייז, נאדלען א. א., זעלטענער מיט געלט. איצט איז ארויס א פארארדענונג, אז דער סוחר-האנדל איז אינגאנצן פארבאטן. אויסערדעם, ווער עס פארנעמט זיך אפילו נאר אויסשליסלעך מיטן איינקויפן פון „קארער“, מוז האבן דעם וואגן אין פארם פון א פארמאכטן, פעסט-איזאלירטן קאסטן, אין וועלכע ער זאל פירן די סחורה. דער וואגן מוז זיין פון א באשטימטער לענג און ברייט און געמאכט פון גוטן, פעסטן מאטעריאל. צוליב דעם האט דער מין באשעפטיקונג אינגאנצן זיך אפגעשטעלט.

די לאגע ווערט געראטעוועט דורך דעם, וואס יעדער ייד האט א גארטן און כמעט אלע א קו. קיין הונגער אין בוכשטעבלעכן זין פון דעם ווארט ליידט קיינער ניט.

זשעטל (נאוואגרודקער קרייז)

ז. זייטן 410—433.

טורמאנט (בראסלאווער קרייז).

די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז 100 פאמיליעס, פון זיי ביי א 40 יידישע.

די הויפט-באשעפטיקונג פון דער היגער יידישער באפעלקערונג איז שווער פעסטצושטעלן. כדי צו קענען לעבן מוז מען זיך דא פארנעמען מיט עטלעכע פרנסות בייאמאל. דער היגער קרעמער איז גלייכצייטיק אויך א שניידער, בעקער, קצב אדער קליינהענדלער. די, וואס האבן מער ניט ווי איין באשעפטיקונג, זיינען זייער געדריקט.

דער מארק, וועלכער איז דער הויפט-מקור פון פרנסה פאר דער היגער יידישער באפעלקערונג, קומט פאר איינמאל א וואך, אלע דינסטאג. פראדוקטן פון פנחר (תבואה, זוימען, פלאקס) פירט מען אן וויניק, איבערהויפט אין די לעצטע 2 יאר, צוליב די אומגעראטעניסן, וואס זיינען געווען אין 1927 און 1928 יאר און וועלכע האבן שטארק פארארעמט דעם גאנצן קאנט. אויף דעם ביסל האנדלס-פראדוקטן, וואס מען ברענגט שוין יע, פאלן אן צענדליקער הענדלער ארטיקע און נאכמער פרעמדע, וועלכע קומען צו פארן פון די דרומיקע שטעטלעך אויפן מארק. דעם לעצטן יאר האט גענומען איינקויפן זוימען אויף די מערק אין טורמאנט דער בראסלאווער קריסטלעכער קאאפעראטיוו „ראלניק“, וועלכער טרייבט אין בראסלאוו אן אייל-פאבריק. פלאקס קויפט איין אין גרויסע מענגעס דער ארטיקער קריסטלעכער קאאפעראטיוו. די פלאקס שיקט אפ דער קאאפעראטיוו אין א צענטראלע אין פוזן. דער קאאפעראטיוו בויט איצט א גרויסן שפייכלער. פון קומענדיקן יאר רעכנט ער אנצוהויבן אין א גרויסן מאסשטאב דאס איינקויפן פון תבואה.

דער קאאפעראטיוו איז אין אלגעמיין זייער רייך און גרויס אויסגעשטעלט. אויף זיין לאגער געפינט זיך שטענדיק א סך פון כלערליי סחורות (באקאליי, גאלאנטעריי, אייזן און מאנופאקטור). ביים קאאפעראטיוו ארבעט א רייכע קריסטלעכע באנק. אויך איז ביים קאאפעראטיוו איינגעארדנט א גרויסע „מלעטשארניע“ (מילך-ווירטשאפט). מ'ברענגט אין דער „מלעטשארניע“ מילך פון פאר 15 קמ. ווייט. פון דעם מילך ווערט אויסגעארבעט זיסע פוטער, וועלכע גייט אויף ווילנע און ווארשע; א דאנק דער באנק, דער „מלעטשארניע“ און דעם איינקויף פון פלאקס, איז דער קאאפעראטיוו ענג צוזאמענגעבונדן מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג פון דער גאנצער סביבה. פאר די פארקויפטע פלאקס און די איבערגעשטעלטע מילך ווערט איינגעצאלט ניט גלייך מיט מזומן, נאר עס ווערן צוגעגעבן אויף דעם קוויטן. ביים באקומען דאס געלט אויף די קוויטן ווערט מען געצוואונגען צו איינקויפן אלץ, וואס מ'דארף, אין קאאפעראטיוו. עס ווערט אויך געפירט אן אגיטאציע צווישן דער באפעלקערונג פארן קאאפעראטיוו.

די שטעטל איז אפגעשלאגן פון צווי זייטן דורך דער לעטישער און ליטווישער גרעניץ (די ערשטע געפינט זיך אין א מרחק פון 1/2, די צווייטע פון 2 1/2 קמ.). אויף די מערק אין טורמאנט פארט מען זיך דעריבער צונויף נאר פון א באגרענעצטער סביבה. די מערק דא זיינען דעריבער ניט קיין גרויסע. די הויפט-ארטיקלען, וואס דער פויער פירט אויפן מארק, זיינען מילך-פראדוקטן, אייער, הינער א. א. וו., וועלכע עס קויפן איין די ארטיקע גרעניץ- און באן-באאמטע. אויסער לעבנסמיטל-פראדוקטן קויפן די דאזיקע באאמטע אלץ איין אין ווילנע אדער אין דעם לעטישן דווינסק, וועלכער איז מער ניט ווי 20 קמ. מיטן באן ווייט פון טורמאנט. פיל ארטיקלען זיינען דארט ביליקער, ווי אין פוילן. עס איז געווען א צייט, ווען די באאמטע האבן פון דווינסק אפילו געפירט פלייש. דאס שלאגט אפ אונטער די יידישע פרנסות.

אויפן מארק פארן אן פרעמדע קרעמער און בעקער מיט בייגל. אזוי, אז אויסער דער קאנקורענץ פון קאאפעראטיוו האבן נאך די היגע קרעמער אויסצוהאלטן אין מארק-טאג א קאנקורענץ מיט די אנגעקומענע פרעמדע קרעמער.

אויסער קאאפעראטיוו ארבעטן אין שטעטל נאך 3 קריסטלעכע פריוואטע קראמען. די קריסטלעכע קרעמער שטייען בעסער ווי די יידישע. די קרעמעריי איז ביי זיי א צוגאב-פרנסה, פון וועלכע זיי דארפן ניט לעבן. דער עיקר באשעפטיקונג זייערע איז ערד-ארבעט.

פון צייט צו צייט (אומגעפער איינמאל א חודש) פארט נאך אראפ אין שטעטל דער באוועגלעכער באן-קאאפעראטיוו. ער האט זיך אן אייגענעם וואגאן, אין וועלכן ער פירט איבער זיינע סחורות (באקאליי, גאלאנטעריי, מאנופאקטור און ש"ך) פון איין באן-סטאנציע אויף דער צווייטער. אויף יעדער באן-סטאנציע שטייט ער א 3—4 טעג. די סחורות זיינע פארקויפט ער אין וואגאן, וואס דינט אים אלס געשעפטס-לאקאל. דער קאאפעראטיוו לייזט פיל און אלץ אויף מזומן.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס די שטעטל געפינט זיך אין ספעציפישע באדינגונגען, וועלכע פארשווערן דעם האנדל (די נאענטקייט פון גרעניץ, אומגעראטעניש פון די לעצטע 2 יאר א. א.), זיינען דא די שטייערן, וואס זיינען ארויסגעלייגט געווארן אויף די קרעמער און הענדלער, גאנץ גרויסע.

די גאנצע שטעטל קרעכצט ממש אונטער דעם לאסט פון די שטייערן.

די בעלי-מלאכות, וועלכע פארנעמען זיך נאר מיט זייער פאך, שטייען זייער שלעכט. ניט דאס שטעטל אליין, ניט די סביבה גיבן ניט קיין ארבעט דעם בעל-מלאכה. אלס אילוסטראציע קען דינען דער פאקט, וואס דא איז געווען איין יידישער כוסטער, האט ער געמוזט ארויס פון שטעטל, ווייל ער האט דא ניט געהאט קיין ארבעט. 2 יידישע שניידער און 2 שניידערקעס זיינען צעבראכן און ארים. אין אלע דערפער זיינען דא קריסטלעכע שניידער און שניידערקעס.

3 פאמיליעס פארנעמען זיך דא מיט פישעריי, איינע אין א גרעסערן מאסשטאב, צוויי אין א קלענערן. די דאזיקע באשעפטיקונג איז פארבונדן מיט גרויסע הוצאות, אויב מ'וויל איר אויפשטעלן, ווי געהעריק. מען דארף האבן גרויסע, גוטע נעצן, זיי קאסטן אבער טייער און די היגע פישער האבן ניט אזעלכע נעצן.

יונגע בחורים גייען ארום ליידיק, האבן ניט וואס צו טאן און זיינען גרייט צו ערפילן יעטווידער ארבעט, וואס נאר עס וועט זיך זיי טרעפן, אבי צו פארדינען עטוואס פאר זיך און אפטמאל אויך פאר דער גאנצער פאמיליע (א מוטער, קליינע ברידער און שוועסטער), וועלכע איז אפהענגיק פון זייערע פארדינסטן. צו פארדינען ביי אן ארבעט מאכט זיך דא אבער זייער זעלטן, נאר אמאל ביי דער באן, ביים אויסלאדן וואגאנעס אדער ביים איבערלאדעווען וואגאנעס מיט סחורה, וועלכע גייט אויף אויסלאנד. דאס הויפט-איבערלאדעווען וואגאנעס מיט סחורות אויף אויסלאנד (אפילו מיט די ארטיקלען, ווי האלץ, שטיינקוילן, זאלץ, נאפט א. א., וועלכע שטאמען פון פוילן) קומט אבער פאר אויף דער נאענטער לעטישער באן-סטאנציע זעמגאליע, וואו פוילישע ארבעטער קענען ניט אנקומען. עס איז זייער שווער צוצוזען די פארצווייפלונג פון אט די יונגע מענטשן, קרעפטיקע און ניט קיין אומוויסנדע, וועלכע וואלטן געטאן די שווערסטע און שמוציקסטע ארבעט, אבער זיי געפינען איר ניט.

דער ארט לעבן, אין אלגעמיין, איז דא זייער א געמיינער. פאראן א 9 פאמיליעס, וועלכע האבן ניט אויפן טעגלעכן גרויש, און ליידן פשוט הונגער.

טראָק (ווילנער קרייז). די איינוואוינער צאל פון דער גאנצער באפעלקערונג (יידן, קאראימער, קריסטן) איז 3.000 נפשות, גענויע 600 משפחות. צווישן זיי: יידן — 85 פאמיליעס (425 נפשות), קאראימער ביי 60 פאמיליעס, קריסטן — 450 פאמיליעס.

די הויפט-באשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי און קליינהאנדל (די קאראימער א. א. פארנעמען זיך מיט גערטנעריי פון אוגערקעס, וועלכע האבן א שם אלס „טראקער אוגערקעס"). ניט די קרעמעריי און ניט דער קליינהאנדל גיבן ניט צום לעבן. דעריבער זיינען די באשעפטיקונגען פארבונדן מיט נאך א זייטיקער פרנסה (מלאכה, ערד-ארבעט, פישעריי). אפטמאל איז שווער אונטערצושיידן, וועלכע פון די צוויי באשעפטיקונגען איז ביי דער באטרעפנדער פערזאן די הויפט-פרנסה. אבער אפילו מיט צוויי פרנסות אין האנט מאכן ניט אלע דעם לעבן, און אן די אמעריקאנער אונטערשטיצונגען פון קרובים, וועלכע עס באקומט זייער א גרויסער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג, וואלט אויסגעקומען גאנץ שווערלעך.

קיין קריסטלעכע קאאפעראציע זיינען ניטא, די קאראימער האבן געעפנט א קאאפעראטיוו, האלט ער ביים פארמאכן זיך. בכלל, איז דער פדיון אין די קראמען א גאנצע וואך, אויסער דעם מארק-טאג, זייער א שוואכער.

עס איז געווען א שפרעגונג פראוואצירן דעם בהמות- און פערד-מארק הינטערן שטעטל. די יידן (די קרעמער) האבן בעמויט דינגען א פריוואטן פלאץ אויף איינצואָרדענען דארט דעם מארק. דערביי האט די גמינע פארלאנגט, אז מען זאל איר צושטעלן א קאנטראקט אויף דעם פלאץ אויף א טערמין ניט ווייניקער, ווי 3 יאר. איצט מוזן די יידישע קרעמער צאלן יערלעך פארן פלאץ 400 זל. (יעדער קרעמער צאלט פון 12 ביז 18 זל. א יאר).

די פריערע פאראָרדענונג פון דער מאכט, אז די קראמען מוזן איינגאנצן איזאלירט ווערן פון די וואוינונגען און זיי מוזן גרינטלעך רעמאנטירט ווערן, כדי זיי זאלן זיך צופאסן צו די לעצטע פארשריפטן וועגן די לאקאלן, וואו עס געפינען זיך האנדלס-אונטערנעמונגען (דער דיל מוז זיין ניט דורכלאזנער פאר וואסער, די ווענט הינטער די פאליצעס געפאקאמטירט) דראט איינגאנצן צו רואינירן די קרעמער. אזא רעמאנט דארף אפקאסטן א 500—600 זל. קיין איין קרעמער האט ניט ביכולת דורכצופירן אזא רעמאנט פאר איינמאל. איבעריקנס, איז דאס, וואס די קרעמער וועלן מוזן זיין איזאלירט פון די וואוינונגען, זייער א שווערע גזירה פאר אלע קרעמער. די גאנצע וואך, אויסער מארק-טאג, קומט אריין זעלטן א קונה אין קראם. דער קרעמער זיצט ביי זיך אין וואוינונגס-צימער און פארנעמט זיך מיט עפעס אנדערש, וואס דינט אים אלס צווייטע באשעפטיקונג צו דער קרעמעריי. אז עמיצער קומט אריין אין קראם, קען ער צו אים גלייך ארויסגיין. ביי דער נעמלעכער איזאלירונג וועט ער מוזן דעם גאנצן טאג זיצן אין קראם, וואו עס איז שווער און עס איז אויך ניט ערלויבט צו פארנעמען זיך מיט א מלאכה א. ד. גל.

א ביסל אויפלעבונג ברענגען אריין פון צייט צו צייט אין שטעטל די עקסקורסיעס, וואס קומען אנקוקן די רואינעס פון שלאס, די אזערע און די אנדערע מערקווירדיקייטן פון דער שיינער טראקער אומגעגנט.

לאנדוואראווע (ווילנער קרייז). די צאל פון די קריסטלעכע איינוואוינער איז 1000 נפשות, פון די יידישע איינוואוינער — 160.

די עקאנאמישע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג איז א שווערע. די הויפט-פרנסה איז קרעמעריי און איז פארבונדן מיט אנדערע באשעפטיקונגען (מלאכה, קליינהאנדל א. אז. וו.). א טייל פאמיליעס לעבן פון דעם, וואס זיי גייען אין טראק (8 קילאמעטער ווייט) אויפן מארק, קויפן דארט איין לעבנסמיטל פראדוקטן (אייער, הינער, פוטער, קעז א. א.) און פארקויפן עס נאכדעם מיט א קליינעם ריווח אין לאנדווארא ווע (די יידן און די קריסטלעכע באן-באאמטע). 16 פאמיליעס האבן געוואלט קויפן ערד ביים גראף. יק"א האט צוגעזאגט א הלוואה. די יידן האבן געגעבן האנטגעלט דעם גראף, און צום סוף איז די קניה ניט באשטעטיקט געווארן פון דער מאכט (די ערד געפינט זיך אונטער א וואלד, האט די מאכט ניט ערלויבט צו האקן דעם וואלד). דער הויף איז שולדיק פיל יידן היפשע סומעס פאר אנגענומענע פראדוקטן ביי די קרעמער, קצבים, בעקער א. א., און האט ניט די מעגלעכקייט איינגאנצן אויסצוצאלן די חובות, מען גיט א ביסל געלט און מען בארגט אן אויף מערער. צוליב דעם פילט זיך א גרויסער מאנגל אין א קליינעם גראשן.

לידע (נאוואגרודקער וואיעוו.). די אלגעמיינע באפעלקערונג 15.500, פון זיי יידן 9.000.

א גרעסערער, לעבעדיקער פונקט מיט א זייער גוטער קאמוניקאציע, אבער אויסער א 10 פראצ. גרויסע סוחרים און קרעמער און א פאר אינדוסטריעלער, איז די לאגע פון דער גאנצער איבעריקער יידישער באפעלקערונג דא א גאנץ שווערע. די גרויסע מאסע קליינהענדלער, קרעמער א. אז. וו. מאטערן זיך גענוג שווער און ביטער, און דערצו ניט אלע נאך מאכן א לעבן. ווי א קאמפעטענטע פערזאן, וועלכער קען גענוי די לאגע אין שטאט, גיט איבער, האבן א גרויסער פראצענט פון אט די קליינהענדלער, קרעמער א. אז. וו. אין זייער געשעפט כמעט קיין אייגענעם גראשן ניט. די גאנצע ענערגיע מוז פארווענדעט ווערן אויף דעם, ווי דורכצודרייען זיך און ניט בלייבן שטיין. די פארדינסטן זיינען מינימאלע. די קליינע קרעמער האבן אויסצושטיין א שטארקע קאנקורענץ פון די „אפטאוויקעס", וועלכע פארקויפן סחורה דעם קאנסומענט צום זעלביקן פרייז, ווי דעם קליינעם קרעמער, דעם דעטאליסט. די „אפטאוויקעס" טוען עס, ווייל זיי קויפן זיך אויף א מזומנים זלאט, וועלכן מען קען באקומען גיכער ביים קאנסומענט. עס ארבעטן אין שטאט פיל קריסטלעכע קאאפעראטיוון, און די יידן לאזט זיך עס זייער גוט פילן. עס זיינען דא אין שטאט אויך א גרויסע צאל פריוואטע קריסטלעכע געשעפטן, גרעסערע און קלענערע. נאר באזונדער פארערגערט די לאגע דאס, וואס אין אלע דערפער האבן זיך געעפנט קראמען, און די לייזונג פון פויער פארקלענערט זיך. דאסזעלבע איז אויך בנוגע די האנטווערקער. אלע דערפער האבן זייערע שוסטער, שניידער, שמידן א. אז. וו.

א טייל בעקערייען זיינען געשלאסן, א טייל האבן דורכגעפירט רעדוקציעס אין ארבעטער. אבער אויך די לעצטע זיינען ניט זיכער קעגן נייע פאדערונגען, וועלכע ווערן זיי געשטעלט אלץ ווידער און ווידער.

לינגמיאן (סווענציאנער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז 175 פאמיליעס, פון זיי 50 יידישע.

פאר דער מלחמה איז לינגמיאן געווען זייער א לעבעדיקע האנדלס-שטעטל. דער הויפט-מסחר איז געווען מיט פרוכט (קארשן), שוועמלעך און יאגדעס. דער מסחר מיט די פראדוקטן האט זיך געפירט אין א גרויסן מאסשטאב. אויסערדעם, זיינען אין שטעטל נאך געווען יידישע תבואה- און פלאקס-הענדלער. אויך איז געגאנגען א געשעפט מיט פיש און ראקעס. יידישע פאמיליעס זיינען דאן אין שטעטל געווען איבער 130, פון זיי א 25 קרעמער און א 25 בעלי-מלאכות. אלע האבן געמאכט א לעבן, און אין הינזיכט פון פרנסה איז לינגמיאן געשטאנען העכער, ווי אלע ארומיקע שטעטלעך.

ביים אנקומען פון דייטשן מיליטער זיינען א טייל ארטיקע יידישע פאמיליעס ארויסגעפארן קיין ריסלאנד. אז עס איז געשלאסן געווארן דער שלום צווישן דייטשלאנד און ריסלאנד האבן זיך א טייל פון זיי אומגעקערט צוריק אין לינגמיאן מיט באוויסטע געלט-מיטלען, וועלכע זיי האבן זיך דערווארבן דורך האנדל אין ריסלאנד.

אין יאר 1919 איז לינגמיאן געווארן א גרעניץ-פונקט צווישן ליטע און פוילן. די גרעניץ גייט דורך הארט ביים סאמע שטעטל. דער יידישער בית-עולם געפינט זיך שוין אויף דער ליטווישער זייט. אין איין יידישן הויז גייט ארויס די פאדערשטע טיר צו דער פוילישער זייט און די הינטערשטע צו דער ליטווישער. די ליטווישע גרעניץ-

ניט־וויסן ניט צכסונג, אז קיינער זאל ניט ארויסגיין דורך דער הינטער־טיר. אלע קריסטלעכע פעלדער ליגן אויף דער צווייטער זייט גרעניץ. אלע טאג, אין דער ארבעטס־צייט, מוזן זיי נעמען „פראפוסקעס“ אויף אריבערצוגיין די גרעניץ צו ארבעטן אויף די פעלדער. די קי ווערן געציילט אלע אינדערפרי, ווען מען לאזט זיי ארויס אויף די פאשע, וועלכע ליגט אויך אויף דער ליטווישער זייט. פארנאכט ווערט די סטאדע אריינגעלאזן אין שטעטל ווידער מיט א צאל.

ביז 1929 פלעגט מען קיינעם ניט אריינלאזן אין שטעטל, אפילו פוילישע בירגער, אן א ספעציעלע ערלויבעניש אויף דעם פון דעם סוועציאנער סטאראסטע. דאס לעבן אין שטעטל איז אין אלגעמיין געווען, ווי אויף א מלחמה־פראנט. פארנאכט, ווי די זון איז נאר אונטערגעגאנגען, פלעגט מען געבן א סיגנאל דורכן קלינגען פון קליסטע־בלאך. פון דער מינוט אן פלעגט זיין פארבאטן ארויסצוגיין פון שטוב אין משך פון א גאנצער נאכט, ביז 5 אזייגער פארטאג. פלעגט עמיצער נאר ארויסשטעקן די נאז פון טיר, פלעגט ער גלייך פארהאלטן ווערן פון די מיליטערישע פאטרולן, וועלכע פלעגן שטענדיק באוואכן די גאסן פון שטעטל. דער פארהאלטענער פלעגט א גאנצע נאכט מוזן אפזיצן אין דער וואך. אינדערפרי פלעגט ער באפרייט ווערן, נאר ער פלעגט מוזן איינצאלן א געלט־שטראף.

אזא מין לאגע, וועלכע האט זיך געצויגן כמעט גאנצע 10 יאר, האט עקאנאמיש פולשטענדיק חרוב געמאכט דאס שטעטל. שוין אפגערעדט פון א מארק, וועלכער האט, זעלבסטפארשטענדלעך, דא ניט געקענט פארקומען, האט אפילו די קריסטלעכע באפעלקערונג פון די ארומיקע דערפער ניט געהאט די מעגלעכקייט, צוליבן פארבאט פאר די ניט־שטעטלשע איינוואוינער אריינצוקומען אין שטעטל, צו באזוכן דעם קלויסטער אין ליגנמיאן, צו וועלכער פאראפיע זי האט פריער אנגעהערט. מיט דער צייט האט די ארומיקע קריסטלעכע באפעלקערונג זיך אינגאנצן אפגעוויינט צו פארן און צו גיין אין ליגנמיאן. עס קומט פון צייט צו צייט א קסיאנדז פון סוועציאן, וועלכער לעבט דארט פון לערעריי. דאס אלץ באווייזט, ווי די שטעטל איז טויט און ווי יעדער צוטאר צו איר איז אפגעשטעלט.

קרעמער אין שטעטל זיינען דא 4—5. די געשעפטן, וואס זיי האבן, זיינען אבער זייער קלאגנעדיקע. די בעלי־מלאכות שטארבן דא פשוט פון הונגער. קיינער פון די שטעטלשע איינוואוינער מאכט זיך גארניט און קיינער נייט זיך גארניט. די בעקערייען און די „פיזיארניעס“, וואס זיינען דא געווען, האבן זיך פון יאר 1929 פארמאכט, ווייל עס לוינט ניט צו האלטן דא אויף דעם א בילעט און צו צאלן סטייערן. מיט דעם ניסטיקן פריין איז, ווארשיינלעך, אויך צו דערקלערן, וואס דא האט זיך ביז איצט ניט געעפנט קיין קריסטלעכער קאאפעראטיוו.

אלע כאפן זיך דא צום דארפס־האנדל. ער ווערט געפירט זייער קליין. מ'גייט אדער מ'פארט איבערן דארף און מ'קויפט איין א ביסל פיש, פלאקס, א קעלבל, פוטער, אייער וכדומה, וועלכע מ'פארקויפט דערנאך אין דעם נאענטן ניי־סווענציאן (20 קילאמעטער ווייט) מיט א קליינעם ריוח. פיל פון די קליינהענדלער קויפן זיך אויף דעם, וואס אין דארף קריגט מען ביים פויער זייער אפט אומזיסט מיט וואס אונטערצושפארן דאס הארץ: א געקאכטע קארטאפל אדער א שטיקל ברויט מיט מילך. ביי דער ארעמקייט, וואס הערשט דא און וואס דערגייט ממש ביזן הונגער, איז די מעגלעכקייט אפגוועטן אין דארף ניט פון די קליינקייטן.

מיט א יאר 4—5 צוריק זיינען דא די צאל קראמען געווען מער ווי אין דאפלט. דער גרעסטער טייל פון זיי האט זיך אבער געמוזט צומאכן. איצט מאנט מען אויך ביי די, וואס האבן שוין לאנג ליקווידירט זייערע געשעפטן, די פארלעגענע שטייערן. די סעקוועסטראטארן טרייבן אפ אלץ, וואס זיי געפינען אין שטוב: א קו, א קישן, א ביסל קארנע מעל א. אז. וו.

פון א צייט שוין, ווי מען באלויסט פון שטעטל, מען עמיגרירט מעבר לים (ס'רוב קיין דרום־אמעריקע), מ'פארט ארויס אין אנדערע שטעטלעך. דאס קענען טאן אבער נאר די שטייפערע מענטשן, וואס באזיצן עטוואס מיטלען. די ארעמקייט איז ווילנדיק ניט ווילנדיק צוגעוווינט צום ארט, ווארן זי מוז זיך ווייטער פלאגן און ביטער קעמפן פאר איר עקסיסטענץ.

א ביסל העלפט אונטער די שטיצע, וועלכע עס באקומען א טייל פון די היגע איינוואוינער פון זייערע פריינט און קרובים פון אמעריקע.

ליפנישאק (לידער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז 300 פאמיליעס, פון זיי 100 יידישע.

די הויפט־באשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי, האנטווערקעריי און ערד־ארבעט.

אין שטעטל זיינען דא 30 יידישע קראמען, א קריסטלעכער קאאפעראטיוו, וועלכער ווערט געשטיצט דורך דער גמינע, און איין קריסטלעכע גרויסע קראם. נאר אם ערגסטן זיינען פאר די היגע יידישע קרעמער די מאסע קראמען, וועלכע האבן זיך געעפנט אין אלע ארומיקע דערפער. דער פויער קריגט אלץ צו קויפן אויף די שטעטלשע פרייזן ביי זיך אין דארף, און האט ניט נויטיק צו קומען אין שטעטל. דער מארק קומט דא פאר איינמאל אין וואך, אלע דאנערשטאג. אויפן מארק קומען צופארן פרעמדע קרעמער (יידן און קריסטן) מיט סחורות און גאלאנטעריי, אבער ניט אין אזא גרויסער צאל און ניט מיט אלע פארשיידענע סחורות, ווי עס איז דער פאל אין אנדערע שטעטלעך.

האנטווערקער זיינען דא 40: 7 שוסטער, 8 שניידער, 14 שניידערקעס, 4 שמידן, 3 קצבים און 4 בעקער. די יידישע האנטווערקער שטייען דא זייער שלעכט. אין די דערפער זיינען פאראן פיל קריסטלעכע שניידער און שניידערקעס און שוסטער. די קריסטלעכע שניידער און שניידערקעס ארבעטן מיט ווארשטאטן צו 4—5 ארבעטער, די יידישע שניידער און שניידערקעס האבן זעלטן ארבעט נאך פאר איין ארבעטער, און ארבעטן גרעסטנטיילס אליין. צוליב די קריסטלעכע שוסטער האבן אויך ווייניק ארבעט די יידישע שוסטער. די יידישע שוסטער און שניידער זיינען דעריבער זייער ארעם. די שמידן פארדינען ניט שלעכט. קיין יידישע בוי־ארבעטער (סטאליארעס און סטעלמאכעס) זיינען אין שטעטל לגמרי ניטא.

מיט ערד־ארבעט פארנעמען זיך אין שטעטל ביי א 20 יידישע פאמיליעס. די ערד נעמען זיי אויף ארענדע ביי די שטעטלשע פויערים. די תנאים פון דער ארענדע זיינען ניט קיין לייכטע: 6 פוד קארן פאר יעדע דעסיאטין יערלעך, דערביי אויסמיסטיקן די פעלד דארפן די יידן, און דער צייט ווען דער טערמין פון דער ארענדע איז מערניט ווי 2—3 יאר. די יידן ערד־ארבעטער פירן איין אלע ארבעטן גרעסטנטיילס אליין מיט דער פאמיליע.

דער קליינהאנדל ווערט דא געפירט אין א קליינעם פארנעם, מיט פעלכלעך, חזיר־האר־

קעדער א. אז. וו. איבערהויפט ווערט דער קליינהאנדל געפירט דורך די דארפס־הענדלער אויפן דארף.

אין זומער 1926 האט די גאנצע שטעטל אפגעברענט. די אפגעברענטע הייזער זיינען געווען פארזיכערט אין זייער קליינע סומעס. עד־היום מאטערט זיך נאך די שטעטל מיטן אפבויען זיך.

א גרויסע שטיצע פארן שטעטל איז די הילף, וואס 75 פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג באקומען פון זייערע קרובים אין אמעריקע.

לעבעדעווע (מאלאדעטשנער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז 400 פאמיליעס, פון זיי 200 יידישע.

די הויפט־באשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי, קליינהאנדל און האנטווערקעריי.

אין שטעטל זיינען פאראן 80 קראמען. קריסטלעכע קראמען זיינען דא 2 און 1 קריסטלעכער קאאפעראטיוו. דער קאאפעראטיוו אונטערן נאמען „זאזשא“ איז אן אפטיילונג פון דעם ווייסרוסישן קאאפעראטיוו אין מאלאדעטשנע. אויף זיין לאגער געפינען זיך ארטיקלען פון ערשטן געברויך, אייזן־ און גאלאנטעריי־סחורות. ער מאכט ניט קיין שלעכטע געשעפטן. דער מארק קומט דא פאר איינמאל א וואך, אלע מאנטאג. אויפן מארק פארן אן א מאסע פרעמדע קרעמער און בעקער. די קרעמער ברענגען כלערליי סחורות: שניט, סאנדעס, לעדער, שוכווארג, גאלאנטעריי און באקאליי. זיי ברענגען זייער א גרויסן שאדן די ארטיקע קרעמער דערמיט, וואס זיי קאנקורירן די פרייזן. אין אלגעמיין פילט זיך אין שטעטל א גרויסער איבערפלוס אין קראמען, און די פרנסה איז דעריבער א געשלאגענע.

דער קליינהאנדל קומט פאר איבערהויפט אין הארבסט און ווינטער־צייט מיט תבואה, חזיר־האר, פעלכלעך א. א. די אלע סחורים ווערן דא געפירט אין א קליינעם מאסשטאב.

ערגער פון אלעמען שטייען דא די האנטווערקער. אין שטעטל און אין די ארומיקע דערפער זיינען דא פיל קריסטלעכע שניידער און שוסטער, צווישן וועלכע א טייל זיינען ספעציאליסטן אין זייער פאך און אנטקעגן וועלכע די יידישע שוסטער און שניידער קענען זיך ניט אונטערשטעלן מיט זייער ארבעט. די בעסטע ארבעט פאלט טאקע דעריבער אריין אין די הענט פון די קריסטלעכע בעלי־מלאכות. דאס ביסל יידישע בוי־ארבעטער, וואס געפינט זיך אין שטעטל, איז ארבעטסלאז.

מיאדל (פאסטאווער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איז 180 משפחות, פון זיי 60 יידישע.

די הויפט־באשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי און האנטווערקעריי.

אין שטעטל איז דא אן איבערפלוס פון קראמען (איבער 30 קראמען). דער מארק קומט דא פאר איינמאל א וואך, אלע דאנערשטאג. אויפן מארק פארן אן א מאסע פרעמדע קרעמער (ס'רוב יידן) און בעקער. די פרעמדע קרעמער ברענגען שניט, לעדער, גאלאנטעריי, סאנדעס, שוכווארג א. אז. וו. זיי נעמען אפ דעם לעצטן ביסל פרנסה ביי די ארטיקע קרעמער. קיינער פון זיי מאכט ניט פון זיין קראם אפילו א 1/4 פון דער חיונה. די קרעמעריי איז דעריבער דא פארבונדן נאך מיט א צווייטער באשעפטיקונג, מיטן קליינהאנדל, דארפס־האנדל (קארצעלניקעס) א. א. די שטייערן זיינען דא זייער גרויסע.

אין שטעטל און אין אלע דערפער זיינען פאראן פיל קריסטלעכע בעלי־מלאכות. די יידישע

שוסטער און שניידער זיינען אַרבעטסלאָז. עס זיינען אין גאַנג טאַנדעט-מלבושים און פאַרטיקע שוכוואַרג. דער מאַטעריעלער מצב פון אַלע ייִדישע בעלי-מלאכות איז דאָ זייער אַ שווערער.

מיאָר (בראַסלאַווער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג 150 פאַמיליעס, פון דעם קריסטלעכע פאַמיליעס נאָר 10.

מיאָר איז געווען זייער אַ לעבעדיקער האַנדלס-פּונקט, ווייל דאָ איז געווען אַ צענטער פון זייער אַ גרויסן פלאַקס-מסחר. די מערק אין מיאָר זיינען געווען זייער גרויסע, און עס פלעגן זיך אויף זיי אויספאָרן פלאַקס-הענדלער פון גאָר ווייט. אַחוץ די פרעמדע סוחרים, האָט מיאָר געהאַט פיל אייגענע, גרעסערע און קלענערע, פלאַקס-סוחרים, פּראַכלער (אָדער פלעקסער, ווי מ'רופט זיי דאָ), טרעפּלער וואָס אַרבעטן ביים סאָרטירן פון דעם פלאַקס) א. אַז. וו. אין סעזאָן-צייט (הארבסט און ווינטער) פלעגן געוויינלעך אַלע גוט פאַרדינען.

אין פאַריקן ווינטער איז געווען דאָ אַ פולסטענדיקע אומגעראָטעניש אויף אַלץ, וואָס מ'האָט נאָר פאַרזייט אין דר ערד.

די אומגעראָטעניש האָט געטראָפן אַלעמען: די פלאַקס-הענדלער, דעם קרעמער, האַנטווערקער, דאָרף-הענדלער (קאַראַבעלניקעס) א. א.

קרעמעריי שטייט שוין דאָ פון לאַנג אָן, זינט עס האָט זיך געעפנט אין שטעטל אַן אָפּטיילונג פון דעם בראַסלאַווער קאָאָפּעראַטיוו „ראָלניק“, זייער שלעכט. דעם „ראָלניק“ האַלט אונטער דער סיימיק. ער האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף נאַפט און זאַלץ. כמעט די גאַנצע לייזונג פון געגנט אין שטעטל איז איבערגעגאַנגען צום „ראָלניק“. אויסער דעם האָט ער אַ מאַסע סחורות פון באַקאַליי, גאַלאַנטעריי און אייזן. איצט בויט מען פאַר „ראָלניק“ אַ געמויערטן בנין אויפן מיטן מאַרק. דאָרטן וועט זיך עפענען אַ בעקעריי, אויך וועט מען איינפירן שניט און לעדער. די סחורות פאַרן „ראָלניק“ ברענגט מען פון זיינע סקלאַדעס פון ווילנע (אויסשליסלעך אויף קריסטלעכע פורן). די ייִדישע קרעמער קויפן אויך אין „ראָלניק“ זאַלץ, מעל, גריפּן, נאַפט א. אַז. וו., און אויך גאַנץ שטעטל קויפט דאָרטן זאַלץ, וואָס עס איז זייער נייטיק פון די מינים. דער „ראָלניק“ פאַרקויפט ביליקער, ווי די ייִדישע קרעמער, און אויסערדעם גיט ער אַלעמען סחורה אויף קרעדיט אויסצוצאָלן צו 3—5 זל. אַ וואָך. אויסער „ראָלניק“ זיינען דאָ נאָך 2 קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, אַ פּריוואַטער און אַ מיליטערישער, און 1 קריסטלעכער קרעמער, וועלכער איז רייך, ווייל ער האָט פיל ערד און דאַרף ניט לעבן פון קראָם.

דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אין וואָך, אַלע מאָנטאָג. אויפן מאַרק פאָרן אָן אַ מאַסע פרעמדע קרעמער, בעקער, קירזשנער. מ'ברענגט גאַלאַנטעריי, לעדער, מאַנופאַקטור א. א. אַפילו הערינג און נאַפט ברענגען די פרעמדע קרעמער. זיי פאַרקויפן פיל סחורות אונטערן פּרייז, און נעמען צו דאָס לעצטע ביסל פדיון ביים אָרטיקן קרעמער.

ניט קוקנדיק אויף דעם זיינען דאָ די שטייערן זייער גרויסע, און דער אומזאַץ ווערט אָנגעשאַצט פיל גרעסער, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט.

די היגע קאַראַבעלניקעס זיינען, צוליב דער אָרעמקייט פון פויער, זייער געדריקט. דער גאַנצער אייגנס זייערער באַשטייט אין 100—150 זל., פון דעם איז ביי אַ 100 זל. ווערט דער פערד און שליטן, און פאַר 50 זל. פירט מען סחורה. די לעצטע באַשטייט פון הערינג, זייף, נאַפט און שוועבעלעך. זיי מאַכן איצט אויפן דאָרף קיין געשעפטן ניט. זעלטן נאָר, ווען מען קריגט אומצובייטן אַ ביסל פון די אייגענע סחורה אויף אַ פעלכל, אַ בינטל חזיר-האָר, אַ זעקל געטרוקנטע קאַרטאָפל א. אַז. וו.

די בעקער פאַרמאַטערט מען מיט די רעמאָנטן. מ'הייסט מאַכן אַ רעמאָנט און דערנאָך איבערמאַכן. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע די יאַטקעס. איצט האָט מען אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען פון רעמאָנטן די קרעמער.

דער וואַלד-מסחר אין דעם קאַנט ענדיקט זיך אויך. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו עקספּלאָאַטירן די וועלדער אויף דער אייגענער רעכענונג.

מען איז זייער גערן עפּעס צו פאַרדינען. פראַכלער און דאָרף-הענדלער, וועלכע האָבן פערד און זיינען אַליין ביי די כוחות צו אַרבעטן שווער, קויפן אַ בוים אין וואַלד. לאָזן אים אַליין אַראָפּ און פירן אים פאַרקויפן פאַר 24 קילאָמעטער די ווייט אין דרויע. מיטן פערד קען מען מאַכן ביי דעם אַ טאָג ביז 10 זל. דעם פערד דאַרף מען אָפּגעבן פון דעם פאַרדינסט פוטער אויף 6—7 זל.

מאָלאָדעטשנע (ווילנער וואָיעוו.). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 2.000, פון זיי 607 ייִדן. די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטעטל איז ניט גאָר קיין שלעכטע. די קריסטלעכע באַפעלקערונג אַרום איז אַ גאַנץ גרויסע. זי איז אין איר מאַסע אַ ווייסרוסישע, וועלכע איז מער איינגעוואוינט צום ייִדישן קרעמער.

מען וויל איבערטראָגן דעם מאַרק אויסערן שטעטל און אויפן מאַרק-פּלאַץ פלאַנצן אַ שטאָט-גאָרטן. עס אַרבעטן עטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, צווישן זיי אַ מיליטערישער, וועלכער באַדינט אויך די ציווילע באַפעלקערונג.

מאַלטשאַד (באַראַנאָוויטשער קרייז). די באַפעלקערונג ציילט 300 פאַמיליעס, פון זיי 220 ייִדישע.

די הויפּט-פּרנסה זיינען קרעמעריי און קליינהאַנדל. די קראָמען אין די דערפער און דער גרויסער קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער ווערט שטאַרק געשטיצט דורך די אָרטיקע פּריצים (ער קויפט איין סחורה אויף זייערע וועקסלען), שלאָגן שטאַרק אונטער די פּרנסה פון די קרעמער. זיי זיינען אַלע זייער געדריקט.

אין די בעקערייען האָט מען דורכגעפירט גרויסע רעמאָנטן. מען שטעלט זיי אָבער פאָרויס אַלץ נייע פאָדערונגען, וועלכע עס איז גאָר אָפט שווער צו דערפילן.

די האַנטווערקער האָבן ווייניק אַרבעט און פּלאָגן זיך זייער שטאַרק.

מיישעגאָלע (ווילנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז איבער 150 פאַמיליעס, פון זיי 60 ייִדישע.

אַ העלפט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין שטעטל פאַרנעמט זיך מיטן האַנדל אויף ווילנע, וועלכע איז 30 קילאָמעטער ווייט פון מיישעגאָלע. מען קויפט איין אייער, עופות, לעבנסמיטל-פּראָדוקטן אויף די מערק אין מיישעגאָלע און אין דערבייאיקער שטעטל פאָדבערעזשע, ווי אויך אין די אַרומיקע דערפער, און מען פירט עס נאָכדעם פאַרקויפן אין ווילנע. אַ טייל ווידער פאַרנעמט זיך מיט קרעמעריי. די קרעמעריי שטייט זייער שוואַך. מיט אַ יאָר צוריק האָט מען אַראָפּגעטראָגן דעם מאַרק פון קלויסטער-פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך אַלע קראָמען. אויסערדעם, זיינען דאָ אין שטעטל 4 גרויסע קריסטלעכע געשעפטן, אויך אין אַלע דערפער האָבן זיך געעפנט קריסטלעכע קראָמען.

פון די 8 ייִדישע בעקערייען זיינען איצט 4 געשלאָסן.

מיכאַלישעק (ווילנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג — 250 פאַמיליעס, פון זיי 140 ייִדישע.

די הויפּט-פּרנסה איז קרעמעריי. אָבער קיין איין קראָם גייט ניט אויף חיונה, צוליב דער גרויסער צאָל קראָמען אין שטעטל. עס אַרבעט אין שטעטל אויך אַ קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו.

אין שטעטל איז דאָ ביי אַ 30 קאַראַבעלניקעס, וואָס פאָרן אין דאָרף. זייער פּרנסה איז שטאַרק געשלאָגן. אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך זיינען געוואָרן וועכנטלעכע מערק. דער פּויער קומט אָפט אין די שטעטלעך אויף די מערק. ער פאַרקויפט דאָרטן זיין סחורה און קויפט אַלץ איין, וואָס עס איז אים נייטיק. די קאַראַבעלניקעס האָבן פאַרלאָרן דורך דעם זייער פּרנסה.

די בעלי-מלאכות, דערהויפּט שניידער און שוסטער, זיינען זייער געדריקט. די בעסטע שוסטער זיינען דאָ קריסטן, געקומענע פון ווילנע.

די בעקערייען האָבן דורכגעפירט קליינע רעמאָנטן און מען האָט זיי דערלויבט דערווייל צו אַרבעטן.

פיל פאַמיליעס באַקומען הילף פון זייערע קרובים אין אַמעריקע. דאַנק דעם לעבט זיך די שטעטל ווי עס איז דורך.

מיר (סטאָלפּצער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג — 1.000 פאַמיליעס, פון זיי 600 ייִדישע.

די הויפּט-באַשעפטיקונג איז קרעמעריי און קליינהאַנדל. די מערק קומען פאָר איינמאָל אין וואָך, מאָנטאָג. פאַר דער מלחמה זיינען די מירער מערק געווען אַ שם-דבר. מ'פלעגט אָנפאָרן אויף זיי פון גאַנץ ווייט. די הויפּט-קעגנשטאַנדן פון מאַרק-מסחר איז געווען תבואה און דער פערד-האַנדל. אָט דער לעצטער מסחר פלעגט עס ציִען קויפער און פאַרקויפער פון נאָענט און ווייט. איצט איז דער פערד-האַנדל איינגעגאַנגען בטל געוואָרן. מען פירט ניט אַרויס קיין פערד אין אויסלאַנד, איז אָפּגעשטאָרבן אויך דער אינעווייניקסטער פערד-האַנדל. אויסערדעם, ווערן די מערק אָפּגעצויגן פון דער נאָענטער שטאָט סטאָלפּצי (סטויבץ), וועלכע אַנטוויקלט זיך אַלס גרעניץ-פּונקט און קרייז-שטאָט זייער שנעל, האָט 2 מערק אין וואָך און צאָלט העכערע פּרייזן פאַר תבואה און פאַר לעבנסמיטל-פּראָדוקטן, ווי אין די אַרומיקע פּינקטן. דער מאַרק אין מיר ווערט אַלץ קלענער און שיטערער. אויפן מאַרק פאָרן אָן פיל קריסטלעכע קרעמער, אַפילו הערינג-קרעמער, וועלכע לייזן מער פון די אָרטיקע קרעמער. אין שטאָט אַרבעטן 4 קריסטלעכע קראָמען. אין אַלע דערפער זיינען דאָ קריסטלעכע קראָמען, אין איניקע אויך קאָאָפּעראַטיוון. די פּרנסה פון די ייִדישע קרעמער אין שטאָט איז דעריבער זייער געשלאָגן. עס פילט זיך אַ גרויסער איבערפלוס אין קראָמען. די קאָנקורענץ איז שטאַרק און די פאַרדינסטן זיינען מינימאַלע.

די לאַגע פון די קליינהענדלער איז אויך אַ שווערע. אין אַלגעמיין פירן דאָ ניט די תבואה-הענדלער דעם מסחר אויף דער אייגענער רעכענונג. זיי נעמען אָן פרעמד געלט ביי די גרעסערע סוחרים פון דער סביבה, וועמען זיי מוזן אָפּגעבן די איינגעקויפטע תבואה פאַר אַ גאָר קליינעם רווח. פאַר זיי זיינען די 50 זלאָטיקע הלוואות, וואָס דער גמילות-חסד גיט, אַ גרויסע זאַך.

די בעלי-מלאכות שטייען אויך ניט גוט. אין שטאָט זיינען דאָ פיל קריסטלעכע שוסטער. אויך זיינען דאָ בעלי-מלאכות אין די דערפער: שוסטער, שניידער און שמידן. מ'קויפט פיל פאַרטיקע בגדים

אין שיך. די קריסטלעכע שוסטער טראָגן אַרויס פאַרטיקע סחורה אין מאַרק און פאַרקויפן עס. די יידישע שוסטער פעלט צוימליג אויף אָנצוגרייטן פאַרטיקע סחורה.

אַ פאַרלייכטערונג אין דער שווערער לאַגע ברענגט אַריין די שטיצע, וואָס איבער 50 פראָצ. פון דער יידישער באַפעלקערונג באַקומט פון קרובים און פריינט פון אַמעריקע.

אויך גיט די מירער ישיבה מיט אירע 400 בחורים אַ 1.000 דאָלאַר פרנסה, מאָנאַטלעך, דער שטאָט. מ'האַלט אויף קוואַרטיר בחורים און מ'קאָכט פאַר זיי עסן. דער פרייז פאַרן קאָכן פאַר אַ בחור איז 1 דאָלאַר אַ חודש און פאַר קוואַרטיר פון 50 סענט ביז 1 דאָלאַר אַ חודש. די באַלעבאַטים, וואָס האָבן, למשל, אַרומצוגיין אַ 5 בחורים, פראָצעווען איבער די כוחות, זיי זיינען אָבער צופרידן מיט די עטלעכע דאָלאַר, וואָס זיי ברענגען אַריין אין דער פאַמיליע.

אין שטאָט זיינען דאָ איבער 40 סופרים. נאָך דער מלחמה, אין די יאָרן 1919—1925, האָבן זיי זייער גוט פאַרדינט. די ספר-תורה'ס פלעגן אין אַ גרויסער צאָל גיין קיין אַמעריקע, און די פרייזן אויף דעם זיינען געווען זייער גוטע. איצט לעבן די סופרים איבער זייער אַ שווערן קריזיס. די פאָדערונג פון אַמעריקע אויף ספר-תורה'ס האָט זיך פאַרקלענערט ביז אַ מינימום. די פרייזן זיינען צוליב דעם שטאַרק געפאַלן. דער מאַטעריאַל אָבער (פאַרמעט) האָט זיך אויסגעהויבן אין פרייז אויף גאַנצע 100 פראָצענט. אַנשטאָט, וואָס אַ גוטער סופר פלעגט פריער פאַרדינען פון דער אַרבעט 40—50 דאָלאַר אַ חודש, פאַרדינט ער איצט אויס 12—15 דאָלאַר אַ חודש. אַ געוויינלעכער סופר, וועלכער פלעגט אויך אויספאַרדינען 25—30 דאָלאַר אַ חודש, פאַרדינט איצט ניט מער, ווי 8 דאָלאַר אַ חודש.

נאָוואָגרודאָק ז. זייטן 397—411.

ניי-ווילייקע (נאָוואָ-ווילייסק, נאָווע-ווילייקע) ז. זייט 472.

ניי-סווענציאַן (סווענציאַנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג — 5.000 נפשות, פון זיי ביי 1.000 יידן.

די הויפט-באַשעפטיקונג פון די יידן איז קרעמעריי און קליינהאַנדל. די קונדשאַפט, אויך ביי די יידישע קרעמער, באַשטייט פון קריסטלעכע (באַן-אַרבעטער און באַן-באַאַמטע). באַזונדערס די באַן-אַרבעטער און באַן-באַאַמטע, וועלכע זיינען דאָ אין אַ גרויסער צאָל, האָבן זייער אַן אייגענעם קאָאָפעראַטיוו, נאָר אַ באַדייטנדער טייל פון זיי קויפן אין די יידישע קראָמען. דער טעם פון דעם איז אַ גאַנץ פשוטער: ביים יידישן קרעמער נעמט מען סחורה אויף קרעדיט און מען באַצאָלט ווען מען וויל. די סומע אָבער, וואָס מען האָט אָנגענומען אין קאָאָפעראַטיוו, ווערן אָפגערעכנט ביי יעדער אויסצאָלונג פון דער פענסיע. האָבן סאַקע די יידישע קרעמער גרעסערע אָדער קלענערע חובות ביי די באַן-אַרבעטער, וועלכע ניט נאָר, וואָס פאַרקלענערן זיך, נאָר וואַקסן פון חודש צו חודש. פאַלט אויס אין חודש אַ קריסטלעכער יום-טוב, דאַן וואַרט שוין דער יידישער קרעמער, אַז אין דעם חודש וועט ער פון זיינע קריסטלעכע קונדן קיין מזומנים גראָשן ניט באַקומען. אַזוי איז פאַר ניי-יאָר, פאַר פאַסכע און אַנדערע קריסטלעכע יום-טובים. דאָס פאַרגרעסערט שטאַרק דעם מאַנגל אין מזומנים ביי די קרעמער. אויסער דעם קאָאָפעראַטיוו פאַר די באַן-אָנגעשטעלטע, אַרבעט נאָך אין שטעטל אַ מיליטערישער קאָאָפעראַטיוו און אַ גרויסע צאָל קריסטלעכע קראָמען. אויך זיינען דאָ קראָמען כמעט אין אַלע דערפער.

דער מאַרק קומט פאָר 2 מאָל אין וואָך, דינסטאָג און פרייטאָג. די מערק זיינען אָבער קליינע. אַ גרויסער טייל פון געגנט, וואָס פלעגט פאַר דער מלחמה קומען אין ניי-סווענציאַן, איז אָפגעשניטן דורכן ליטווישן גרעניץ. בכלל, איז דער געגנט זייער אַן אָרעמע, אַ זאַמדיקער און וואַלדיקער. אַפילו אין גוטע יאָרן האָט דער פויער ניט קיין תבואה אָדער אַנדערע ערד-פראָדוקטן צום פאַרקויפן. אויפן מאַרק ברענגט ער אַ וועגל האָלץ, אַ פאָר צענדליק אייער, אַ פיטל פוטער אָדער קעז און זומער-צייט יאַגדעס און שוועמלעך. ביי אַזאַ אָרעמקייט פון פויער איז זיין קויפס-מעגלעכקייט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער אַן אומבאַדייטנדע.

ווי ס'גייען איבער די היגע קרעמער, פאַרקויפן זיי סחורה פאַר 2—3 פראָצענט ריוח פון פרייז, ווען דער פדיון איז פאַר מזומן. דאָס, וואָס מען מוז צאָלן אומזאַץ-שטייער און די אַנדערע הוצאות פון געשעפט ווערן דערביי ניט פאַררעכנט. קומט אויס, אַז אין דער אמתן ליגט נאָך דער קרעמער צו צו אַזאַ מין פדיון. אָבער, איז ווען דאָ אַ ברירה, אַז די וועקסלען מוזן געצאָלט ווערן צום טערמין, און דאָ צאָלט, אין דער צווייטער זייט, לויערט פון דער שכן, אויך אַ קרעמער, אויפן קונה, ווייל ער דאַרף אויך צאָלן אַ וועקסל און נויטיקט זיך אויך אין אַ מזומנער וואַלוטע. דער פועל-יוצא פון אַזאַ מסחר איז, וואָס אין אַ יאָר אָדער צוויי עסט מען אויף וואָס ביסל אייגענעם קאַפיטאַל, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין קראָם, מען פאַרשטעקט נאָך פרעמדע געלט און מען ווערט אַ „יורד".

צוליב דיזעלביקע סיבות, וואָס די קרעמעריי, איז אויך דער היגער קליינהאַנדל אַן אומבאַדייטנדער, און די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אים, געפינען זיך אין אַ זייער שלעכטן מצב.

נאָר שלעכט שטייען דאָ די בעלי-מלאכות, אויסערהויפט שוסטער און שניידער. די בעסטע שוסטער זיינען דאָ די קריסטלעכע: זיי גרייטן אָן און פאַרקויפן פאַרטיקע סחורה. דאָסזעלבע איז אויך בנוגע די שניידער. די קאָנפעקציע-אויספאַרטיקונגען שטויסן אַרויס אינגאַנצן די אָרטיקע שניידעריי. אַלע בעלי-מלאכות זיינען זייער געדריקט. אַ טייל פון זיי ליידט ממש הונגער און קעלט.

יידישע קרעמער און קליינהענדלער זיינען דאָ אַן 80 (40 פראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג), האַנטווערקער אַ 50 (25 פראָצ.) פאַמיליעס. צווישן די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַנדערע באַשעפטיקונגען, זיינען דאָ ביי אַ 25 פורמאַנעס. זיי פאַרדינען פון פירן פון באַן אין שטעטל און אין דער דערבייאיקער שטאָט סווענציאַן (13 קמ. ווייט) פאַרשיידענע סחורות. זייער צאָל איז אַ צו גרויסע אין פאַרהעלטעניש צו די מעגלעכקייטן, וואָס די באַשעפטיקונג קען געבן, און זיי זיינען אויך אַלע זייער געדריקט.

אַ טייל בעקערייען אַרבעטן דאָ דערווייל און אַ טייל איז געשלאָסן.

פאַר דער מלחמה איז די שטעטל געווען אַ גרויסער האַנדלס-פונקט. דאָ איז געווען אַ צענטראַלע קאָנטאָר מיט סקלאַדן פאַרן מסחר מיט לעבעדיקע ראַקעס אויף אויסלאַנד, וועלכע האָט פאַרנומען פיל גובערניעס פון אַמאָליקן רוסלאַנד. אויך איז דאָ געווען אַ צענטראַלע קאָנטאָר פאַרן מסחר מיט גענז, אויך אויף אויסלאַנד. גרויסע געשעפטן פלעגן זיך פירן מיט צענטראַל-רוסלאַנד און פעטערבורג מיט יאַגדעס, פרוכט און שוועמלעך. דערום זיינען געווען גרויסע וואַלד-עסקים. ביי די אַלע מסחרים האָבן גענומען באַשעפטיקונג הונדערטער יידן אַלס אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, צושטעלער פון סחורה, עקספעדיטאָרן א. אַז. וו. איצט איז פון אַלע מסחרים קיין זכר ניט געבליבן. די שטעטל איז טויט. און אַלץ איז אָנגעוויזן אויף קרעמעריי און קליינהאַנדל, וועלכע זיינען ביים איצטיקן מאָמענט אין אַ צושטאַנד פון ירידה.

ניי-פאַהאָסט און די קאָלאָניע בילדיוגי (בראַסלאַווער קרייז). אין ניי-פאַהאָסט געפינען זיך 175 פאַמיליעס, פון זיי 50 יידישע.

אין דער יידישער קאָלאָניע בילדיוגי (5 קילאָמעטער ווייט פון ניי-פאַהאָסט) וואוינען ביי אַ 50 יידישע פאַמיליעס, און אין די אַרומיקע דערפער נאָך אַ 25 יידישע פאַמיליעס.

די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל און אין די אַרומיקע ישובים איז זייער אַ שווערע. די גאַנצע געגנט האָט פאַריקן זומער געליטן פון אַ שרעקלעכער אומגערעטעניש. אַלץ, וואָס מ'האָט פאַרזייט אויף די פעלדער, איז פאַרלאָרן געגאַנגען. איינער אַ ניי-פאַהאָסטער יידישער איינוואוינער (לויטן פאַך אַ בעקער), וועלכער פאַרנעמט זיך זומער מיט ערד-אַרבעט (האַלט אין אַרענדע 7 דעסיאַטין ערד, וועלכע ער מיט זיין פאַמיליע באַאַרבעט אַליין מיט די אייגענע הענט), האָט אין פאַריקן זומער פאַרזייט אויף זיין פעלד 20 לייף (60 פוד) קאַרטאָפל, און האָט ניט אַראָפגענומען אַפילו קיין איין פוד ניט.

די לאַגע פון די יידישע ערד-אַרבעטער (אין בילדיוגי אַליין זיינען דאָ 30 יידישע לאַנדווירטן, וועלכע האָבן 300 דעסיאַטין ערד), צוזאַמען ביי אַ 40 פאַמיליעס, איז ניט קיין בעסערע, ווי די פויערישע, און זיי ליידן און הונגערן צוגלייך מיט דער גאַנצער דאָרפישער באַפעלקערונג פון דעם געגנט.

אויסער די אָרטיקע יידישע 15 קרעמער, פלעגן נאָך 8 בילדיוגער איינוואוינער שטיין אויפן ניי-פאַהאָסטער מאַרק מיט ביסלעך סחורה. איצט איז פון די 8 געבליבן נאָר 2. די איבעריקע 6 האָבן פאַרצערט זייער אייגענעם קליינעם קאַפיטאַל און אויך דאָס ביסל פרעמדע סחורה, וועלכע זיי האָבן באַקומען אויף קרעדיט. דער מאַרק קומט דאָ פאָר איינמאָל אין וואָך, אַלע דאָנערשטאָג. די מערק זיינען ניט קיין גרויסע. דער פויער האָט ניט וואָס צו פאַרקויפן, און האָט דעריבער אויך ניט קיין געלט מיט וואָס צו קויפן. ניט געקוקט אויף דעם קומען אָן אויפן מאַרק פרעמדע קרעמער און בעקער (יידן און קריסטן). אין שטעטל אַרבעטן, אויסערדעם, אַ קריסטלעכער קאָאָפעראַטיוו און 3 פריוואַטע קריסטלעכע קראָמען. קריסטלעכע קראָמען זיינען דאָ אויך אין די דערפער.

יידישע האַנטווערקער זיינען דאָ אין שטעטל אַ 20. זייער לאַגע איז אַ שרעקלעכע. די קריסטלעכע בעלי-מלאכות אין שטעטל (זייער צאָל איז דאָ אַ גרעסערע, ווי די יידישע) און אין די דערפער געפינען זיך אין עטוואָס אַ בעסערן מצב פון די יידישע, ווייל זיי לעבן ניט אויסשליסלעך פון זייער פאַך.

די קליינהענדלער לעבן איצט אויך איבער זייער אַ שווערן קריזיס. קיין מסחר מיט פלאַקס און תבואה איז צוליב אומגערעטעניש לגמרי ניטאָ. פיל, און ניט נאָר קליינהענדלער, נאָר אויך קרעמער, האָבן זיך גענומען, ווייל עס איז ניטאָ קיין אַנדער מסחר, מיט וואָס צו פאַרנעמען זיך, צו קצבות. די פלייש ווערט מען פאַרקויפן אין די

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. אָבער אויך דער מסחר גיט היינטיקס יאָר ניט קיין ריוח. ביי די פויערים זיינען אַ גרויסע צאָל קי, צוליב די שרעקלעכע פרעסט און שלעכטע דערנערונג, געפאַלן אויף די פיס. אַזעלכע קי פאַרקויפט מען פאַר די פעל אַליין. אויסערדעם, געטריבן דורך דער נויט און הונגער, מוזן די פויערים אַלץ מער און מער אויספאַרקויפן זייער פי, כדי צו קענען ווי עס איז צו דערהאַלטן די נשמה. קי זיינען דעריבער זייער ביליק, און דער מסחר מיט פעלים טויג איינגאַנצן ניט.

אין אַלגעמיין איז די לאַגע דאָ אַ קאַטאַסטראָפאַלע. מענטשן, וועלכע זיינען נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק געווען תקיף, זיינען איצטער יורדים אין פולן זין פון וואָרט.

סאָל (אָשמענער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג בערך 250 פאַמיליעס, פון דעם 130 יידישע.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז זייער אַ שווערע. דער קריסטלעכער קאָאָפעראַטיוו זעצט אַרונטער די קרעמער. ער פאַרקויפט אַלע סחורות וואַגאָנענווייז און עס קאָסט אים אויס ביליקער, ווי די יידישע קרעמער. די קרעמער טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק צו פאַראייניקן זיך אין איין ספּולקע, אום צו קענען שאַפן גרעסערע פּאַרטיעס סחורה, איבערהויפּט זאַלץ, נאַפט א. א. איצט פאַרקויפן זיי אָט די אַלע סחורות אָן פרנסה צוליב דער קאָנקורענץ מצד דעם קריסטלעכן קאָאָפעראַטיוו. די האַנטווערקער האָבן ווייניק אַרבעט צוליב דעם, וואָס אין אַלע דערפער האָבן געעפנט וואַרשטאַטן קריסטלעכע האַנטווערקער. דער מאַרק אין שטעטל איז אַ קליינער, און אויף אים פאָרן אָן הענדלער יידן און קריסטן מיט כל המינים סחורות, אַפילו מאַנופאַקטור, פון די אַרומיקע ערטער (סמאָרגאָן, אָשמענע, מאָלאָדעטשנע) און אַפילו פון ווילנע.

סוויר (סוויענציאַנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 1.900 נפשות, פון זיי 1.100 יידן.

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די יידן—קרעמערײַ און קליינהאַנדל. סיי די קרעמער און סיי די קליינהענדלער שטייען זייער ניט גוט. אין שטעטל איז דאָ אַן איבערפלוס פון קראָמען. דער פדיון איז אַ שוואַכער. די שטייערן דריקן זייער שטאַרק. דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אין וואָך, אַלע דאָנערשטאָג. אויפן מאַרק פאָרן אָן אַ מאַסע קרעמער (ס׳רוב קריסטן) און אויך בעקער. זיי ברענגען שניט, גאַלאַנטעריי, טאַנדעט, באַקאַליי, זאַגאַר, הערינג. די אָנגעקומענע קרעמער, צוליב די ביליקע קאָנקורענץ־פרייזן (זייערע סחורות זיינען געוויינלעך פון דער געמיינסטער קוואַליטעט, דעריבער קענען זיי אַלץ פאַרקויפן צו ביליקע פרייזן), גראָבן ממש אונטער די עקזיסטענץ פון די אָרטיקע קרעמער. צוליב אָט דער דאָזיקער קאָנקורענץ, שוואַכן פדיון און גרויסע שטייערן — האָבן זיך אָנגעהויבן פון היינטיקן יאָר און אויך אין מיטן פון פאָריקן יאָר געשלאָסן יידישע קראָמען.— צוליב דער אומגעראָטעניש איז היינטיקס יאָר אונטערגעגאַנגען דער תבואה־האַנדל. דער געגנט דאָ איז אין אַ געוויינלעכן יאָר רייך מיט תבואה, וועלכע איז אויך געווען דער איינציקער און וויכטיקסטער קעגנשטאַנד פון קליינהאַנדל. היינטיקס יאָר האָט דער פויער ניט וואָס צו פאַרקויפן, און קוים וואָס ער לעבט זיך אַליין דורך. מ׳האָט איבערגעגעבן פאַקטן, אַז פויערים רייסן אַראָפּ סטרויענע דעכער פון זייערע בנינים. שניידן שטרוי אויף „סיעטשקע״ און פיטערן מיט דעם די פי. ניט נאָר אויף קערנער איז דעם פאָריקן זומער געווען אַ שטאַרקע אומגעראָטעניש, נאָר אַפילו די שטרוי פון די זאַנגען זיינען אויף די פעלדער געפוילט געוואָרן. די יידישע קליינהענדלער זיינען צוליבן אונטערגאַנג פון תבואה־מסחר שרעקלעך געדריקט.

די אומגעראָטעניש האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף די פאַרדינסטן פון די קאַראַבעלניקעס (דאָרפס־הענדלער) וועלכע זיינען דאָ אין אַ באַדייטנדער צאָל. זיי זיינען אַלע איצט גרויסע אָרעמעלייט. עס איז דערביי אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז צו באַקומען אַ פּאַטענט אויף צו פירן אַ האַנדל אין דאָרף איז ניט פון די לייכטע זאַכן. מען מוז פריער האָבן אַן ערלויבניש אויף דעם פון סטאַראָסטע, וועלכע ווידער מ׳קען באַקומען נאָר אין דעם פאַל, ווען מ׳שטעלט צו אַ צייגניש פון דער אָרטיקער מאַכט וועגן דער אָרנטלעכקייט און גוטער אויפפירונג.

די האַנטווערקער זיינען גרעסטנטייליש אַרבעטסלאָז און אָרעם. עס זיינען דאָ אין שטעטל פיל קריסטלעכע אַרבעטער פון אַלע פאַכן. קיין יידישע סטאָליאַרעס און „סטעליאַרעס״ זיינען אין שטעטל ניטאָ. — 75 פּראָצ. פון דער יידישער באַפעלקערונג פון שטעטל באַקומט גרעסערע אָדער קלענערע סומעס אַלס אונטערשטיצונגען פון פריינד און קרובים אין אַמעריקע. דאָס האַלט ממש אויף די שטעטל, אַז עס זאָל נאָך קענען ווי עס איז לעבן.

סווענציאַן (ווילנער וואָיעוו.). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג — 6.000 נפשות, פון זיי 2.900 יידישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונג — קרעמערײַ, קליינהאַנדל און האַנטווערקערײַ. עס זיינען דאָ אין שטאָט ביי אַ 200 קרעמער און קליינהענדלער און איבער 150 האַנטווערקער.

די אַלע 3 אָנגעוויזענע הויפּט־באַשעפטיקונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג שטייען זייער שלעכט. דער קאַנט האָט 2 יאָר נאָכאַנאַנד, אין 1927 און 1928 יאָר, געליטן פון אַן אומגעראָטעניש. דער פויער איז זייער פאַראָרעמט, און זיינע קויפס־מעגלעכקייטן זיינען נישטיקע. אויסערדעם ווערן דאָ די מערק, וועלכע קומען פאָר אַלע מיטוואָך, אַלץ קלענער, ווייל זיי ווערן אָפּגעצויגן פון די אַרומיקע שטעטלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך געעפנט מערק. אַ טייל געגנט, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה אַלץ געקויפט און פאַרקויפט אין סווענציאַן, איז איצט אָפּגעשלאָסן דורך דער ליטווישער גרעניץ. אין די אַרומיקע דערפער זיינען דאָ קראָמען. אָבער איבערהויפּט ווערט אָפּגעצויגן דער פדיון פון די יידישע קראָמען דורך דעם גרויסן און רייכן קריסטלעכן קאָאָפעראַטיוו. דער קאָאָפעראַטיוו ווערט געשטיצט פון סיימיק, וועלכער גיט אים אַרויס גרויסע הלוואות אויף 6 פּראָצ. יערלעך. די יידישע קרעמער קויפן אַליין אין קאָאָפעראַטיוו זאַלץ און צוקער. דער קאָאָפעראַטיוו קויפט אויך איין תבואה, זוימען און פלאַקס, און פירט מיט דעם זייער אַ גרויסן מסחר. קריסטלעכע קראָמען זיינען דאָ אין שטאָט אַ 5 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל קראָמען. זיי שטייען אַלע גוט. אויף די מערק פאָרן אָן פיל פרעמדע קרעמער מיט גאַלאַנטעריי, מאַנופאַקטור, לעדער, פאַבריקע זאַכן און שיך א. אז. וו. פיל אָרטיקע קרעמער, צוליב דער קאָנקורענץ פון די אָנגעקומענע פרעמדע קרעמער, טראָגן אַרויס זייער סחורה אין מאַרק־טאָג פון קראָם אין מאַרק אַריין, וואו זיי לייגן עס אויס אויף טישלעך. זייערע קראָמען אויף דעם טאָג שליסן זיי איינגאַנצן. אַ טייל גאַלאַנטעריי־ און מאַנופאַקטור־קרעמער פון סווענציאַן האָבן אָנגעהויבן צוליב דעם, וואָס זיי לייזן נאָר ניט אויף אַן אָרט, אַרומצופירן זייער סחורה אויף די מערק אין די אַרומיקע שטעטלעך. בכלל, איז אין שטאָט אַ גרויסער איבערפלוס פון קראָמען. די צאָל פון די מאַנופאַקטור־קראָמען איז איצט אין 3 מאָל גרעסער, ווי פאַר דער מלחמה. דער מצב פון די קרעמער און קליינהענדלער איז צוליב די אַלע אויסגערעכנטע סיבות זייער אַ טרויעריקער.

צוליב דער אומגעראָטעניש שטייען אויך זייער שלעכט די בעלי־מלאכות — שוסטער, שניידער, שמידן און בוי־אַרבעטער, ווייל דער פויער גיט זייער ווייניק אַרבעט. אין שטאָט זיינען פאַראַן פיל קריסטלעכע שוסטער, וועלכע אַרבעטן זייער גרויס. איינער אַ קריסטלעכער שוסטער פירט אַ וואַרשטאַט מיט 30 אַרבעטער. די פאַרטיקע סחורה פאַרקויפט ער אין די אַנדערע קריסטלעכע שוסטער אויף די מערק אין סווענציאַן און אין די אַרומיקע שטעטלעך. די יידישע שוסטער האָבן ניט קיין אויסלייג אויף אויפצושטעלן אויף אַזאַ אופן זייער פאַך. זיי זיינען דעריבער זייער אָרעם. אויסער שוסטער זיינען דאָ אין שטאָט פיל קריסטלעכע בעלי־מלאכות אויך פון אַנדערע פאַכן. אויך זיינען דאָ בעלי־מלאכות פון אַלע פאַכן אין די דערפער.

אין שטאָט איז דאָ אַ פאַבריקאַציע פון וואָליקעס, וועלכע ליגט אין יידישע הענט, ד. ה. זי ווערט אָנגעפירט דורך יידן. די אַרבעטער פון דער זיינען אָבער אויסשליסלעך קריסטן, „סאָניעס״. די אַרבעט פאָדערט אַ ספּעציעלע צוגרייטונג, און די „סאָניעס״ ווילן עס ניט אויסלערנען אַ פרעמדן. ביי דער פאַבריקאַציע זיינען באַשעפטיקט מער ווי 100 אַרבעטער, וועלכע פאַרדינען זייער גוט.

אַ טייל פון די בעקערייען מאַכן איצט רעמאָנטן, און אַ טייל אַרבעט דערווייל אַזוי. זיי וועלן אָבער אינגיכן אויף זיכער געשלאָסן ווערן. דער סיימיק פּראָיעקטירט איינצואָרדענען אַ מעכאַנישע בעקעריי אין שטאָט. אויב דאָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט ער אונטעררייסן די עקזיסטענץ פון אַ גרויסער צאָל יידישער משפחות.

אין שטאָט איז דאָ אַ גרויסע אָרעמקייט, וועלכע ווערט אונטערגעשטיצט פון דער אָרטיקער וואָוילטעטיקער חברה „סומך־נופלים״, וועלכע גיט ברויט, האָלץ און שטיצט אין אַנדערע פאָרמען. די חברה שטיצט פיל צענדליקער פאַמיליעס.

סווערזשען (ניי־סווערזשען, סטויבצער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער שטעטלשער באַפעלקערונג — איבער 300 פאַמיליעס, פון זיי 90 יידישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די יידן — גערטנערײַ. עס פאַרנעמען זיך דערמיט אַ 30 יידישע פאַמיליעס. זיי האָבן אַלע צוזאַמען אַ 40 מאָרג אייגענע ערד. יעדע פאַמיליע אַרענדירט נאָך צו אַ 3—4 מאָרג ביים פּריץ אָדער ביי די שטעטלשע קריסטן. אַרענדע־פּרייז פאַר 1 מאָרג באַשטימט זיך אין באַקערטע פעלד פון 80 ביז 100 רובל *), לויט דער קוואַליטעט פון דער ערד. די הויפּט־זריעה — אוגערקעס. דער הויפּט־מאַרק — דער גאַנצער קאַנט ביז וואָלאָזשין (איבער 50 קילאָמעטער ווייט). גרויסע קוואַנטומס אוגערקעס נעמען צו די שטעטלעך האָראָדיי, ליאַכאָוויטש, וואו זיי ווערן איינגעזייערט אין פעסלעך, וועלכע ווערן אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער און שטייען דאָרט, ביז דער אייז עפנט זיך אין אָנהויב פרילינג. די שטעטלשע גערטנערער מאַכן אויך אוגערקע־נאָסעניש („מאָנאַסטיר״) צום פאַרקויפן.

---

*) אין די געגנטן ווערט נאָך אַלץ גערעכנט אויפן רוסישן גאָלד־רובל.

קרעמער און האַנטווערקער שטייען דאָ אין זייער אַ שלעכטן מצב מחמת דעם, וואָס עס האָבן זיך אָפּגעסירט די מערק צוליב דער נאָענטקייט פון סטאָלפּצי (4 קילאָמעטער ווייט), וואו די פּויערים פאַרקויפן זייערע אַרטיקלען טייערער, ווי אין סווערזשען, און קויפן אַלע סחורות ביליקער.

די פּאַרזאָנען, וואָס זיינען פאַר דער מלחמה געווען קאַראַבעלניקעס און האָבן דערפון געלעבט, האָבן געמוזט לאָזן דעם געשעפט. אין דער מערהייט פון די אַרומיקע דערפער, צוליב זייער נאָענטקייט פון גרעניץ, איז פאַרבאָטן עפּעס אַריינצופירן.

סטאָלפּצי (סטויבץ, נאָוואָגר. וואָיעוו.). די באַפעלקערונג פון שטאָט ציילט אַ 1.000 פאַמיליעס, פון וועלכע אומגעפער 400 זיינען יידישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די יידן איז קרעמעריי. עס זיינען דאָ פיל פּוילישע קראָמען, כמעט די זעלבע צאָל, וויפל יידישע. אויסערדעם אַרבעטן אייניקע גרויסע קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון. די פּרנסה פון קרעמעריי איז דעריבער דאָ זייער אַ געשלאָגענע. וואָס איז נוגע די האַנטווערקער, זיינען די בעסטע שוסטער אין שטאָט קריסטן און צו זיי גייט אַוועק די בעסטע אַרבעט. ביי די שניידער האָבן פאַרנומען די אַרבעט די פיל סאָנדערנע קראָמען, וואָס געפינען זיך דאָ. ביי אַ 30 יידן פאַרנעמען זיך מיט שוואַרצע אַרבעט, ביים אָנלאָדעווען געהילץ אויף דער ליניע, אויך אין טאַרטאַק.

בעקערייען זיינען דאָ געשלאָסן געוואָרן 5. די איבעריקע האָבן דורכגעפירט זייער גרויסע רעמאָנטן, וואָס האָט זיי אָפּגעקאָסט פיל געלט.

סמאָרגאָן (אָשמענער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 5.000 נפשות, פון זיי 2.500 יידן.

פאַרן קריג האָט די צאָל איינוואוינער אין שטאָט דערגרייכט איבער 20.000, און דאָ איז געווען אַ גרויסער צענטער פון דער לעדער־פאַבריקאַציע. 40 גרויסע פאַבריקן, פון זיי 30 יידישע, האָבן זיך פאַרנומען מיט לעדער־אויסאַרבעטונגען. זיי האָבן באַשעפטיקט איבער 3.000 אַרבעטער, פון וועלכע 75 פּראָצענט זיינען געווען יידן. די מייסטערס און די קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיינען אויסשליסלעך געווען יידן. אויסערדעם, האָבן אין שטאָט געאַרבעט 20 יידישע וואַלקאַרניעס (פאַבריקלעך, וועלכע בוינען אויס דעם לעדער) און 20 גרויסע שטעפּעריי־וואַרשטאַטן, אויך אַלע יידישע. אין די וואַלקאַרניעס און שטעפּערייען פלעגט מען ברענגען אַרבעט פון פיל אַנדערע שטעט, וואו עס איז געווען אַנטוויקלט די לעדער־אויסאַרבעטונג (פון קרינאָק, סאָקאָלקי, ביאַליסטאָק און פון אַ ריי פּוילישע שטעט). די פעל צו דער אַרבעט פלעגט מען ברענגען פון אוקראַינע און צענטראַל־רוסלאַנד, און די פאַרטיקע סחורה פלעגט צוריק אָפּגעשיקט ווערן אין רוסלאַנד. ס׳פלעגן קומען לעדער־סוחרים פון דער גאַנצער רוסישער מדינה. אויסער דעם גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט אומדירעקט געלעבט און פאַרדינט ביי דער לעדער־פאַבריקאַציע, האָבן גרויס [illegible] אויך די קרעמער, האָטעל־אייגנטימער, קאָמיסיאָנערן, פורמאַנעס א. אַ.

די מלחמה האָט איינגאַנצן חרוב געמאַכט די אָרטיקע לעדער־פאַבריקאַציע, און נאָך דער מלחמה האָבן געפעלט די באַדינגונגען, וועלכע וואָלטן געקאָנט מעגלעך מאַכן איר אויפריכטונג. און די וויכטיקסטע פון אָט די באַדינגונגען איז די, וואָס עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער אָפּזאַץ־מאַרק (רוסלאַנד) פאַר די סמאָרגאָנער לעדער־אויסאַרבעטונגען.

איצט זיינען די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די סמאָרגאָנער יידן קרעמעריי און קליינהאַנדל.

אין שטאָט איז פאַראַן 150 קרעמער, פון זיי 10 קריסטלעכע, און ביי אַ 100 קליינהענדלער. עס פילט זיך אַ גרויסער איבערפלוס אין קראָמען. פאַר דער מלחמה, ביי אַ 4־פאַכיקער באַפעלקערונג און ווען אין שטאָט האָט געהערשט אַ גרויסע באַוועגונג און אויפלעבונג, איז די צאָל קראָמען געווען די זעלביקע, ווי איצט. עס קומען דאָ פאָר 2 מערק אין וואָכן: מיטוואָך, דער הויפּט־מאַרק, און פרייטאָג, אַ קלענערער מאַרק. ס׳קומען אויף די מערק פרעמדע קרעמער, דערהויפּט מיט שניט. דער אָרטיקער פּוילישער קאָאָפּעראַטיוו אַרבעט שוואַך.

גרעסערע יידישע סוחרים, וועלכע האַנדלען זעלבסטשטענדיק, זיינען דאָ נאָר 5 (2 פלאַקס־סוחרים און 3 תבואה־סוחרים). די איבעריקע הענדלער מיט די אַרטיקלען אַרבעטן פאַר פרעמדע פירמעס אָדער פאַר די היגע גרעסערע סוחרים. אויסער תבואה און פלאַקס קומט דאָ נאָך פאָר אַ האַנדל מיט חזיר־האָר, פעלכלעך א. אַ. עס איז דאָ אַן איבערפלוס אין קליינהענדלער, וועלכע איז גורם דערצו, אַז די פּרנסה פון קליינהאַנדל איז אַ נישטיקע. אַ טייל פון די קליינהענדלער זיינען ממש קבצנים.

יידישע בעלי־מלאכות איז אין שטאָט פאַראַן ביי אַ 50. שוסטער און בוי־אַרבעטער שטייען זייער שלעכט. עס איז דאָ ווייניק אַרבעט ביי די שוסטער, צוליב דעם גרויסן אָפּגאַנג פון די פאַבריקן־שיכוואַרג. ביי די יידישע לעדער־קרעמער זיצן קריסטלעכע שוסטער (ווייל זיי נעמען ביליקער, ווי די יידישע) און גרייטן צו פאַרטיקע סחורה, וועלכע ווערט נאָכדעם פאַרקויפט אין די קראָמען. אויסערדעם, זיינען דאָ פיל שוסטער, וועלכע אַרבעטן פּריוואַט, אין שטאָט און אין די אַרומיקע דערפער. אויך די יידישע בוי־אַרבעטער האָבן אויסצושטיין אַ שטאַרקע קאָנקורענץ פון די שטאָטישע און דאָרפישע קריסטלעכע בוי־אַרבעטער. אַ ביסל בעסער איז די לאַגע פון די אָרטיקע יידישע שניידער.

פּאָדבערעזשע (ווילנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 100 פאַמיליעס, פון זיי 35 יידישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די יידן זיינען קרעמעריי, קליינהאַנדל, האַנטווערקעריי און ערד־אַרבעט.

18 יידישע פאַמיליעס האָבן אייגענע ערד־נחלאות, וועלכע ציילן צוזאַמען אַ שטח פון [illegible] העקטאַר. די 18 פאַמיליעס באַאַרבעטן זייער באָדן אַליין, מיט די אייגענע הענט. דער באָדן איז אַ גוטער, מ׳זייט אַלע תבואות און אויך ווייץ. די געוויינלעכע געראָטעניש איז 8—10 מאָל. נאָר ווייל יעדע פאַמיליע האָט אַ קליינע נחלה, קען מען פון דער לאַנדווירטשאַפט אַליין ניט לעבן, און מ׳פאַרנעמט זיך מיט נאָך אַ צווייטיקער באַשעפטיקונג.

אין שטעטל זיינען דאָ 17 יידישע און 2 קריסטלעכע קרעמער. אויסערדעם, אַרבעט אין שטעטל אַ קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכן עס האָבן געגרינדעט אַ גרויסער אָרטיקער גוטסבאַזיצער. אין קאָאָפּעראַטיוו פאַרקויפט זיך באַקאַליי, גאַלאַנטעריי און אייזן. עס ווערט געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע לטובת דעם קאָאָפּעראַטיוו, און ער לייזט זייער גוט. ביי די מלוכהשע פאָלקס־שולן אין גאַנצן היגן געגנט זיינען איינגעאָרדנט שול־קאָאָפּעראַטיוון, וואו די שילער זיינען מחויב צו קויפן אַלץ, וואָס זיי איז נייטיק פאַרן לימוד: לערן־ביכער, שרייב־מאַטעריאַלן, פאַרשיידענע מאַטעריאַלן פאַר דער האַנט־אַרבעט. אַז זיי קויפן עס ערגעץ אַנדערשוואו — נעמט מען זיי דאָס געקויפטע אָפּ צוריק. ביי דער גמינע עקסיסטירט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט, וועלכע פאַרנעמט זיך מיטן פאַרקויף פון סופּער־פאָספאַטן, קאַניטינע און אַלערליי זריעות. דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אין וואָך. דער צופאָר צום מאַרק איז אַ באַגרעניצטער, ווייל אַ טייל געגנט איז אָפּגעשניטן דורך דער ליטווישער גרעניץ, וועלכע ציט זיך אין אַ מרחק פון 6—8 קילאָמעטער פון שטעטל. אויפן מאַרק פאָרן אָן אַ מאַסע פרעמדע קרעמער און בעקער (ס׳רוב יידן). זיי ברענגען: שניט, לעדער, טאַגרעס, שיכוואַרג, גאַלאַנטעריי, באַקאַליי, אַפילו הערינג, אייל, פאַיאַנס, גלאָזוואַרג א. אַז. וו. זיי לייזן געשמאַק. זייערע סחורות זיינען עפּ״י רוב פון אַ שלעכטער קוואַליטעט, אָבער דער קונה קלייבט זיך אין דעם ניט פונאַנדער, און ציט צו די ביליקערע פּרייזן. צוליב די אַלע דערמאָנטע סיבות, איז די לאַגע פון אָרטיקן קרעמער אַ טרויעריקע.

דער קליינהאַנדל איז דאָ אַ נישטיקער. די קליינהענדלער טראָגן אָדער פירן זייער ביסל סחורה אין דאָרף, וואו זיי בייטן עס אויף קאָדער, חזיר־האָר, פעלכלעך א. אַז. וו. די סחורה, וואָס די קליינהענדלער טראָגן אין דאָרף, באַשטייט פון אַ ביסל גאַלאַנטעריי, הערינג, זייף, זאַלץ, ליכט א. אַ. זיי זיינען אַלע זייער געדריקט.

די בעלי־מלאכות (אין אַ צאָל פון 12) זיינען זייער אָרעם, דערהויפּט די שוסטער. די שוסטער זיינען געוואָרן מאַליערעס. זיי פאַרנעמען זיך מיט ווייסן די הייזער. נאָר „פון פיל מלאכות האָט מען קרחות".

אין די אַרומיקע דערפער זיינען פאַראַן 9 קרעמער. אין שטעטל און אין די דערפער זיינען דאָ קריסטלעכע בעלי־מלאכות. דער אָרטיקער קסיאָנדז האָט איינגעאָרדנט אַ וואַרשטאַט צו לערנען קריסטלעכע מיידלעך נייען און האַפטן. אינסטרוקטאָרן האָט ער געבראַכט פון ווילנע.

איצט איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט דורכצופירן גרויסע רעמאָנטן: פאַרבן די פענסטער, קאַלכן די ווענט, רעמאָנטירן די קלאָזעטן און ברונעמער, איזאָלירן די קראָמען פון די וואוינונגען, פּאַקאָסטירן די פּאָליצעס א. אַז. וו. די באַפעלקערונג איז ממש אין יאוש, ווייל עס זיינען אַבסאָלוט ניטאָ די נייטיקע מיטלען דערצו.

פּאָדבראָדז (סווענציאַנער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג — 3.000 נפשות, פון זיי ביז 900 יידן.

די הויפּט־באַשעפטיקונגען — קרעמעריי, קליינהאַנדל און האַנטווערקעריי (קרעמער און קליינהענדלער איבער 40 פּראָצ., האַנטווערקער ביי אַ 30 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג).

די לאַגע פון די קרעמער און קליינהענדלער איז זייער אַ שווערע. דער מאַרק, וועלכער קומט פאָר מאָנטאָג, האָט זיך פאַרקלענערט אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן צוליב דעם, וואָס אין אַלע אַרומיקע קליינע שטעטלעך האָבן זיך געעפנט מערק. אויף די מערק פאָרן אָן פיל פרעמדע קרעמער, איבערהויפּט קריסטלעכע, מיט באַלערליי סחורות. איינער אַ קריסט ברענגט אַפילו אויפן מאַרק מעדיקאַמענטן (פּאַטענטירטע מעדיצינישע אַרטיקלען). איבערהויפּט אָבער ציט אָפּ דעם פּריוון פון די יידישע קראָמען דער גרויסער קריסט־

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

לעבער קאָאָפּעראַטיוו „רעלניק״. ער פאַרקויפט סחורות אויפן הורט און אויפן איינצל. די הויפּט־אַרטיקלען, מיט וועלכע ער האַנדלט אין זייער אַ גרויסן מאַסשטאַב, איז באַקאַליי און אייזן. די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז צוזאַמענגעבונדן מיטן קאָאָפּעראַטיוו דורך דער קאָאָפּעראַטיווער קריסטלעכער באַנק. די לעצטע האָט איבער 1.000 מיטגלידער. אויסערן פּיי אין באַנק, מוז נאָך יעדער מיטגליד אַריינטראָגן אַ פּיי פון 50 זל. פאַרן קאָאָפּעראַטיוו, אין וועלכן ער איז פאַרפּליכטעט צו קויפן אַלץ, וואָס ער ברויכט. עס ווערט געפירט אַן אַגיטאַציע, אַז מען זאָל קויפן אין קאָאָפּעראַטיוו, און דער קאָאָפּעראַטיוו באָרגט זיינע קונדן סחורה אויף וועקסלען, וועלכע ווערן נאָכדעם געצאָלט אין באַנק. אויסערדעם, זיינען דאָ אין די דערפער קאָאָפּעראַטיוון און פּריוואַטע קריסטלעכע קראָמען. ווען מען נעמט נאָך צו צו דעם, אַז דער קאַנט אַרום איז אַ זאַמדיקער און אָרעמער און די קויפס־מעגלעכקייטן פון פּויער זיינען זייער באַגרענעצטע, קען מען שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ לעבן עס קענען מאַכן די ייִדישע קרעמער, אין וועלכע עס פילט זיך אַ גרויסער איבערפלוס. 80 פּראָצ. פון די קרעמער האָבן כמעט דעריבער זייער אַ קליינעם אַריינטראָג פון די קראָמען. די דורכשניטלעכע פּרנסה פון אַ קרעמער איז 25—30 זל. אַ וואָך (ביי אַ פּדיון פון 200—300 זל.) פון דעם דאַרף מען נאָך צאָלן שטייערן. און אַזוי ווי די שטייערן־לאַסט איז דאָ זייער אַ שווערע, קומט אויס, אַז די ריינע הכנסה פון אַ קראָם איז דורכשניטלעך ניט מער, ווי 15—20 זל. אַ וואָך.

דער קליינהאַנדל איז אַ נישטיקער. צוליב דער אָרעמקייט פון קאַנט האָט דער פּויער, אַפילו אין אַ גוטן יאָר, ווייניק וואָס צו פאַרקויפן פון זיינע ערד־פּראָדוקטן.

די בעל־מלאָכות שטייען אויך שלעכט צוליב די זעלבע סיבות, וואָס דער קליינהאַנדל. אויסערדעם, זיינען אין אַלע דערפער דאָ קריסטלעכע שמידן, שוסטער און שניידער. שמידעריי און שוסטעריי זיינען אינגאַנצן אַריבער אין קריסטלעכע הענט. די ייִדישע שמידן און שוסטער זיינען זייער פאַראָרעמט. שניידער און שוסטער פאַרלירן אויסערדעם די אַרבעט צוליב די פאַרטיקע בגדים און שיך. די דורכשניטלעכע וועכנטלעכע פּרנסה פון אַ בעל־מלאָכה איז נאָך קלענער פון אַ קרעמערס, אַרום 15 זל. אַ וואָך.

מ'לעבט אין דחקות. אַ גרויסער טייל האָבן גערטנער. קי האָבן נאָר אַ קליינע צאָל ייִדן. פלייש און מילכיקס באַנוצט דער אָרעמערער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג כמעט אינגאַנצן ניט. מ'שפּייזט זיך מיט ברויט און קאַרטאָפל. פאַרבראַך: איז אַן אָרט פאַר זומער־וואוינונגען אַדאַנק דעם פּראַכטפולן וואַלד און גוטער לופט. אין זומער־צייט, אין דעם דאַטשע־סעזאָן, ווערט טאַקע די לאַגע אין שטעטל פיל בעסער. עס פאָרן אָן אַהער אַ 2—3 הונדערט דאַטשניקעס. אַ האַלבע שטעטל, דערהויפּט די פרויען, פאַרדינען פון צושטעלן די דאַטשניקעס פּוטער, קעז, אייער און הינער. אויך אין די קראָמען פילט זיך דער דאַטשע־סעזאָן. עס ווערט לעבעדיקער דער פּדיון. אַ ביסל אויפלעבונג ברענגט דערמאָלט אַריין אין שטעטל אויך דאָס מיליטער, וואָס שטייט דאָ דאַן. מ'לייזט אויך אַ ביסל פון די סאָלדאַטן, כאָטש זיי האָבן זייערע אייגענע מיליטערישע קאָאָפּעראַטיוון.

אַ גרויסע פאַרלייכטערונג אין דער לאַגע ברענגט אַריין די אַמעריקאַנער שטיצע פון קרובים און פריינט, וועלכע עס באַקומט כמעט אַ העלפט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון שטעטל. אַלע בעקערייען אַרבעטן פאַרלוסטיק. זיי האָבן זיך אָבער מתחייב געווען דורכצופירן גרויסע רעמאָנטן.

פּאַלאַנקע (באַראַנאָוויטשער קרייז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג — 100 פאַמיליעס, פון זיי אַ העלפט ייִדישע.

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די ייִדן איז האַנטווערקעריי. 25 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג לעבט פון שוסטעריי (עס זיינען דאָ 12 שוסטער). שניידער זיינען דאָ מער ניט, ווי 3. די פּויערישע באַפעלקערונג פלעגט ווינטער־צייט זייער גוט פאַרדינען פון וואַלד־אַרבעט און דערהויפּט פון „וואָזקע״ פון דעם געהילץ צום באַן און צו די טאַרטאַקעס. די שוסטער פלעגן דאַן האָבן אַ סך פון אַרבעט. אויך פלעגן די שניידער האָבן אַרבעט. היינטיקס יאָר איז אַ פולשטענדיקער שטילשטאַנד אין דעם וואַלד־מסחר. צוליב דעם איז טויט די גאַנצע שטעטל. עס זיצן ליידיק די בעלי־מלאָכות. עס לייזן ניט די קרעמער. דאָס ביסל אַרבעט, וואָס פאַלט שוין יאָ אַריין צו די בעלי־מלאָכות, און דאָס ביסל פּדיון, וואָס די קרעמער האָבן, איז אַלץ אויף באָרג.

דירעקט פון קריזיס אין וואַלד־מסחר זיינען געטראָפן די 10 „וואָזשאַקעס״־ייִדן (20 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין שטעטל), וועלכע האָבן ניט וואָס צו טאָן מיט זייערע פערד און מוזן זיי נאָך „קאָרמענען״. זיי זיינען אַלע זייער אָרעם.

ייִדישע קרעמער זיינען דאָ 8. קרעמעריי אַליין גיט ניט קיין חיונה און זי איז פאַרבונדן מיט נאָך אַ זייטיקער באַשעפטיקונג (בעקעריי, קליינהאַנדל). קיין מאַרק קומען אין שטעטל ניט פאָר. אין שטעטל זיינען דאָ 3 קריסטלעכע קראָמען, וועלכע לייזן זייער גוט. אויסערדעם, זיינען כמעט אין אַלע אַרומיקע דערפער דאָ קריסטלעכע קראָמען.

אין די דערפער זיינען אויך דאָ קריסטלעכע שוסטער, שניידער און שמידן.

אָפענע בעקערייען זיינען אין שטעטל ניטאָ. מ'באַקט צו ביסלעך אין פיל הייזער. די בעקעריי דינט אַלס קליינע צוגאָב־פּרנסה צו אַן אַנדער באַשעפטיקונג

אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָבן בהמות און ניט קיין גרויסע גערטנער. זומער עסט מען מילכיקס.

פּאָסטאַווו (ווילנער וואָיעוו.). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג ביי אַ 3.000 נפשות, פון דעם ייִדן 1.000 נפשות.

די הויפּט־באַשעפטיקונג — קרעמעריי און קליינהאַנדל.

די קרעמעריי שטייט דאָ זייער שלעכט. עס אַרבעטן אין שטאָט 2 קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, איינער אַ פּוילישער און דער צווייטער אַ ווייסרוסישער.

דער פּוילישער קאָאָפּעראַטיוו אונטערן נאָמען „ווינגראַ״, וועלכער ווערט געשטיצט פון סיימיק און פון דער באַנק „גאָספּאָדאַרטשאַ קראַיאָוועגאָ״, פאַרנעמט אַ גרויסן געמויערטן בנין אין רעכטן צענטער פון שטאָט (אין מאַרק). דער קאָאָפּעראַטיוו איז זייער שיין אויסגעשטעלט. ער האָט אויף זיין לאַגער אַלערליי סחורות, אויסער שניט און לעדער. אויך האָט ער איינגעפירט אייזן־אַרטיקלען און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. צו דער אָפּטיילונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען האָט ער אַראָנגעבראַכט אַ ספּעציעלן פאַרוואַלטער פון ווילנע. ער גיט די לאַנדווירטן אַלע זיי נייטיקע צו דער ערד־אַרבעט מאַשינען אין קרעדיט אויף אַ יאָר צייט. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט דורכדעם אונטערגעשלאָגן די פּרנסה פון 2 ייִדישע קרעמער, וועלכע האָבן פאַרקויפט ספּעציעל נאָר לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און האָבן געמאַכט פון דעם אַ פיינעם לעבן. אויך דער מסחר מיט די פוטער־מאַשינען איז געלעגן אין ייִדישע הענט. איצט איז ער איבערגעגאַנגען צו די קאָאָפּעראַטיוון און צו די פאַרוואַלטונגען פון די באַזונדערע גמינעס, וועלכע ברענגען דעם אַרטיקל וואַגאָנענווייז. אויך די אַנדערע סחורות ברענגען די קאָאָפּעראַטיוון וואַגאָנענווייז. אַלע אָנגעשטעלטע פון סטאַראָסטווע קויפן אַלץ אין פּוילישן קאָאָפּעראַטיוו. דער סטאַראָסטווע איז ערב, אַז זייערע חובות דעם קאָאָפּעראַטיוו וועלן אויסגעצאָלט ווערן יעדן 1־טן פון חודש פון זייער געהאַלט. ביי ייִדן קויפן נאָר די אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען, ווי מען רופט זיי דאָ, „ציווילע״ צאָלער. ניט באַקומענדיק קיין סחורה אויף קרעדיט אין קאָאָפּעראַטיוו, נעמען זיי אָן אויף באָרג באַדייטנדע סומעס אין די ייִדישע קראָמען און גיבן נאָכדעם ניט אָפּ.

דער ווייסרוסישער קאָאָפּעראַטיוו לייזט אויך זייער גוט. איצט עפנט ער אָפּטיילונגען אין די אַרומיקע דערפער.

אויסער די קאָאָפּעראַטיוון אַרבעטן אין שטעטל פיל קריסטלעכע באַקאַליי־קראָמען און איין גרויסע מאַנופאַקטור־קראָם. די קריסטלעכע קרעמער לעבן ניט פון זייערע קראָמען (די הויפּט־באַשעפטיקונג איז ביי זיי די ערד־אַרבעט), זיינען קליינע בעלי־הוצאות, באַזיצן אייגענע גרונט־קאַפּיטאַלן, זיינען דעריבער ניט אַזוי פאַרשווינדלט, ווי די ייִדישע קרעמער, און שטייען אַלע ניט אין דעם ערך בעסער, ווי די לעצטע.

דער מאַרק קומט פאָר איינמאָל אַ וואָך, אַלע מאָנטאָג. אויפן מאַרק פאָרן אָן פיל פרעמדע קרעמער (ס'רוב קריסטן) מיט שניט, גאַלאַנטעריי, לעדער און באַקאַליי.

די שטייערן זיינען דאָ זייער גרויסע. דער פּאָסטאַווער קרייז איז אַ שם דבר מיט זיינע גרויסע שטייערן. דער קליינהאַנדל ווערט דאָ געפירט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. קיין זעלבשטענדיקע פלאַקס־, תבואה־ און ווייצן־סוחרים זיינען דאָ ניטאָ. ס'רוב פון די היגע הענדלער זיינען פּרעסלער, וועלכע קויפן אויף די אַרטיקלען פאַר די גלובאָקער און הײַדוציסקער סוחרים. היינטיקס יאָר צוליב דער אומגעראַטעניש פון פאַריקן ווינטער איז דער מסחר מיט תבואה און ווייצן נאָר אַ קליינער. דער מסחר מיט פלאַקס איז אַפילו אין גוטע יאָרן דאָ אַן אומבאַדייטנדער. היינטיקן יאָר ווערט מיט דעם אַרטיקל כמעט גאָרניט געהאַנדלט. די קעגנשטאַנדן פון קליינהאַנדל זיינען איצטער דאָ: חזיר־האָר, פעלכלעך, קעלבלעך א. א. — אַלץ זייער קליינע מסחרים, אויף וועלכע זיינען דערצו נאָך דאָ צענדליקער סוחרים.

פון די האַנטווערקער האָבן אַ ביסל אַרבעט מערבים ווי די שניידער. די שוסטער זיינען אינגאַנצן אַרבעטסלאָז, צוליב דעם וואָס מ'באַניצט פאַרטיקע שוכוואַרג. די פּוילישע באַאַמטע (פון סטאַראָסטווע און פ. ק. או.) באַנוצן זיך מיט די פּוילישע שוסטער, וועלכע זיינען אַריינגעפאָרן און האָבן זיך באַזעצט אין שטעטל. די ייִדישע סטאָליאַרעס, וועלכע האָבן פריער געאַרבעט אין גמינע (אויפן רעכענונג פון סיימיק), ווערן איצט סיסטעמאַטיש אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

עס מוז גענומען ווערן אין אַכט אויך דאָס, וואָס פּאָסטאַווו איז חרוב געוואָרן פון דער מלחמה און די באַפעלקערונג מוז די גאַנצע צייט אַרבעטן

אויסן אפגעוויזן זיך. דאס האט גורם געווען דערצו, אז קיינער אין שטעטל האט נים קיין איינגענעם קאפיטאל, וואס איז נויטיק צו קרעמעריי, צום קליינהאנדל און אפילו צו דער מלאכה. די קריסטלעכע שוסטער, למשל, פארן ארויס אין מארק פארטיקע סחורה, פאר וועלכע זיי לייזן גאנץ געשמאק. די יידישע שוסטער קענען אבער נים נאכטאן זייער בייספיל, ווייל זיי פעלט דער נויטיקער אויסלייג אויף דעם.

צוליב דער שווערער לאגע האט זיך אין שטעטל געגרינדעט א „לחם אביונים". די הכנסה פון וואכער האט דער „לחם אביונים" ביי א 50 זל. א וואך. 35 פאמיליעס ווערט ארויסגעגעבן ברויט און חלה.

פאראסיאנאווע (ויסנער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג — 100 פאמיליעס, פון דעם יידישע איבער 40.

אין שטעטל געפינען זיך 10 יידישע קרעמער, ביי א 10 בעלי-מלאכות און איבער 10 ערד-ארבעטער. די לעצטע באארבעטן די ערד מיט דער הילף פון „פארטבקעס" און צו די ארבעטן אויף זייערע פעלדער האבן זיי געוויינלעך נאך זייטיקע באשעפטיקונגען.

דער מארק קומט פאר איינמאל א וואך, אלע מיטוואך. צוליב דער אומגערעטעניש פון פאריקן זומער, האבן סיי די קרעמער, סיי די בעלי-מלאכות קיין פרנסה ניט.

אין שטעטל געפינט זיך א פארהעלטענישמעסיק באדייטנדע צאל פערזאנען, וועלכע ביז דעם לעצטן יאר זיינען געווען אנגעשטעלט אין דער האלץ-בראנזשע, אין איצט זיינען זיי ארבעטסלאז. טיילווייז צוליב דעם אלגעמיינעם קריזיס אין דעם מסחר, און טיילווייז צוליב דעם, וואס די רעגירונג האט גענומען ארבעטן אירע וועלדער אויפן אייגענעם רעכענונג („גאספאדארטשים ספאסאבעם"). דערווייל פארלעבן זיי די אפשפארונגען, וועלכע זיי האבן געמאכט אין די פריערדיקע יארן, ווען זיי האבן געהאט ארבעט און האבן געקראגן פאר איר גוט באצאלט. די דאזיקע אפשפארונגען זיינען אבער נים אזעלכע גרויסע, אז זיי זאלן קענען לאנג דינען, אלס מקור צום לעבן. א טייל פון די פריערדיקע וואלד-אנגעשטעלטע הייבן שוין איצט אן פילן דעם טעם פון נויט.

קאבילניק (מאסטאווער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג — 800 נפשות, פון זיי 300 יידן.

די הויפט-באשעפטיקונגען — קרעמעריי און דער האנדל מיט פיש (אין שטעטל זיינען דא 20 קרעמער און 11 פישער). לעבן שטעטל געפינט זיך די גרויסע אזערע נאראטש.

די קרעמעריי שטייט זייער שלעכט. אין שטעטל איז דא אן איבערפלוס פון קראמען, אויסערדעם, ארבעטן מיט גרויס ערפאלג א קריסטלעכער קאאפעראטיוו און 2 גרויסע קריסטלעכע קראמען. דער קאאפעראטיוו ווערט געשטיצט דורך דער „קאסע סטעפאשיקא" (ליי- און שפאר-קאסע ביי דער גמינע). די 2 פריוואטע קריסטלעכע קרעמער זיינען לאנדווירטן און לעבן פון די הכנסות פון זייער לאנדווירטשאפט. זיי זיינען דעריבער ניט פארשווינדלט און האבן שטענדיק פיל סחורה אויפן לאגער. סיי דער קאאפעראטיוו און סיי די קריסטלעכע קראמען לייזן זייער גוט. דער מארק קומט פאר איינמאל אין וואך, אלע דינסטאג. אויפן מארק פארן אן א מאסע פרעמדע קרעמער (יידן און קריסטן), ווי אויך בעקער. די פרעמדע קרעמער ברענגען צו פירן לעדער, שניט, גאלאנטעריי און באקאליי. דער פרעמדער קרעמער, וועלכער האט געלייגט הוצאות אויף צו קומען אויפן מארק, וועלכער איז דערצו נאך געוויינלעך שטארק פארשווינדלט און אפטמאל איז אויך זיין סחורה נים זייער רעיעל, גאמט זיך וויפיל עס איז נאר מעגלעך אפצולייזן, פארשניידנדיק געפערלעך די פרייזן. אויך זיינען די פאדערונגען פון קונה פארשיידן צום איינענעם און פרעמדן קרעמער. פון דעם ערשטן פארלאנגט ער סחורה אויף קרעדיט און דערצו נאך סחורה נאר רעיעלע. דעם צווייטן, רעכענענדיק, אז מען האנדלט ביי אים מציאות, צאלט ער מיט מזומנים, און פארטראכט זיך אויך נים לאנג וועגן דער קוואליטעט פון דער סחורה. די פרעמדע קרעמער נעמען צו א גרויסן טייל פון דעם מארק-פדיון, און זיינען בכלל גורם צום אראפזעצן פון די פארדינסטן פון ארטיקן קרעמער ביז צו א מינימום. עס צערואינירן ממש דעם יידישן קרעמער אויך די גרויסע סטייערן. דער מאסטאווער „מקורב" איז אין הינזיכט פון ארויסלייגן און אויסמאנען די סטייערן זייער א שטרענגער.

די יידישע פישער זיינען געדריקט. קיין ווינטערדיקע נעצן (א ווינטערדיקער נעץ קאסט ביי א 2.000 דאלאר) האט קיינער פון זיי נים. זומערדיקע נעצן (קאסט ביי א 200—300 דאלאר) האבן פון די 11 יידישע פישער נאר 3. די לעצטע פאנגען זומער די פיש מיט דער הילף פון פויערים, וועלכע באקומען געוויינלעך פאר זייער ארבעט א העלפט פון פאנג. אפטמאל צאלט מען די פויערים טעגלעכע שכירות, אדער א געוויסן באצאלט פון יעדער געפאנגענעם פוד פיש. די איבעריקע יידישע פישער, וואס האבן אליין נים קיין אייגענע נעצן, קויפן איין די סחורה ביי די קריסטלעכע פיש-פאנגער. אבער דער האנדל מיט פיש גיים אלץ מער און מער אריבער אין די הענט פון די לעצטע. די פישער, וואס פאנגען אליין די פיש, פירן עס אליין אויך אוועק אין ווילנע און פארקויפן עס דארט, אויסמיידנדיק אזוי ארום די פארמיטלונג פון יידישן הענדלער-פישער.

דער קליינהאנדל (מיט סעלכלעך, מעל, חזיר-האר וכדומה) פירט זיך דא אין א קליינעם מאסשטאב.

די בעלי-מלאכות זיינען זייער געדריקט, צוליב דער ארעמקייט פון דער פויערשער באפעלקערונג, וועלכע האט דעם פאריקן זומער שטארק געליטן פון דער אומגערעטעניש, און גיט ניט דעריבער קיין ארבעט ניט די שוסטער, ניט די שניידער א. אז. וו. אויסערדעם, ווערט דער יידישער בעלי-מלאכה, זינט איניקע יאר שוין, ארויסגעשטויסן דורך די דארפישע בעלי-מלאכות, וועלכע מערן זיך כסדר סיי אין דארף, סיי אין שטעטל גופא.

קאזיאן (בראסלאווער קרייז). די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג איבער 200 פאמיליעס, פון זיי 50 יידישע.

די הויפט-באשעפטיקונג פון דער יידישער באפעלקערונג — קרעמעריי און האנטווערקעריי. אין שטעטל זיינען דא 17 קרעמער און 19 האנטווערקער.

דער מארק קומט דא פאר מיטוואך. אויפן מארק פארן 18 קרעמער (יידן און קריסטן) מיט גאלאנטעריי, מאנופאקטור, לעדער א. א. סחורות. זיי קאנקורירן שטארק מיט די ארטיקע קרעמער אין די פרייזן. גאלאנטעריי און מאנופאקטור פארקויפן די פרעמדע קרעמער אן קיין שום רווח און אפטמאל זאגאר אונטערן מקח. אויסערדעם, זיינען דא אין אלע גרעסערע דערפער קראמען. אין די דארפישע קראמען קריגט מען צו קויפן, אויסער באקאליי און גאלאנטעריי, אויך מאנופאקטור, לעדער, היטלען א. אז. וו. די קאנקורענץ איז א שרעקלעכע. אז דער פויער קומט שוין אמאל יע אין שטעטל עפעס צו קויפן, רייסט אים יעדער קרעמער צו זיך אין קראם. די פרייזן אויף אלע סחורות זיינען דעריבער געשלאגענע און די פרנסה איז א נישטיקע. פון דער צווייטער זייט איז די שטייער-לאסט דא זייער א שווערע, און דאס דערדריקט פולשטענדיק און ענדגילטיק דעם קרעמער. ווי ווייט דא שטייט שלעכט די קרעמעריי באווייזט דער פאקט, וואס דער קריסטלעכער קאאפעראטיוו, וועלכער האט זיך דא געעפנט, האט זיך אין א קורצער צייט ארום געמוזט פארמאכן צוליב דעם, וואס דער געשעפט האט אפילו נים געקענט דעקן דעם געהאלט פאר איין אנגעשטעלטן.

די היגע בעלי-מלאכות זיינען אלע ארעמעלייט. אין שטעטל און אין אלע דערפער זיינען דא קריסטלעכע בעלי-מלאכות, וועלכע ארבעטן זייער ביליק, ווייל דער פאך איז ביי זיי א ביי-באשעפטיקונג צו דער ערד-ארבעט, וואס איז ביי זיי דער עיקר מלאכה.

אין שטעטל זיינען דא 5 יידישע קאראבעלניקעס. זיי פארנעמען זיך מיט א טויש-האנדל אין דארף. זיי בייטן אויס זייף, נאדלען, קאמעלעך, שפילקעס א. אז. וו. אויף חזיר-האר, פלאקס, טיכער א. ד. גל. פאליציי פארפאלגט דעם מסחר. אז מ'כאפט אויפן וועג א קאראבעלניק, קאנפיסקירט מען זיין גאנצן וואגן סחורה.

א טייל פון שטעטל זיינען געווען אנגעשטעלטע ביים וואלד-האנדל, וועלכער האט זיך געפירט אין דער סביבה. איצט האט די רעגירונג גענומען ארבעטן די וועלדער אויף איר אייגענעם חשבון. טייל אנגעשטעלטע האבן דורכדעם פארלארן זייער פארדינסט.

אין די בעקערייען און יאטקעס האט מען דורכגעפירט גרויסע רעמאנטן. מען איז אבער נים זיכער קעגן ווייטערע פאדערונגען. וועלכע ווערן כסדר ארויסגעשטעלט צו די בעקער און קצבים.

איצט פאדערט מען דורכצופירן גרויסע רעמאנטן אין די קראמען („טינקעווען" די ווענט, ניט דורכלאזבארער דיל א. א. ג.) ברענגען אין ארדענונג דעם אויסערלעכן אויסזע פון די הייזער און ברוקירן די גאסן. פאר דער פאראָרעמטער יידישער באפעלקערונג זיינען דאס אלץ אוממעגלעכע פאדערונגען, וועלכע זיי וועלן עס בשום אופן נים קענען דערפילן צוליב די גרויסע געלט-קאסטן, מיט וועלכע דאס אלץ איז פארבונדן.

ווי עס קומט נאר אן דער טאג, הייבט מען אן גיין איינע צו די אנדערע לייען גמילות-חסדים. איינער דארף צאלן היינט א וועקסל, אויב נים גייט ער אין פראטעסט. צום צווייטן איז געקומען א סעקוועסטראטאר און וויל צונעמען די שוין פון לאנג אן אפגעשריבענע סטוביקע חפצים (מעבל, קיסנס, מעטאלענע געשיר א. אז. וו.) פאר פארלענענע סטייערן. דער דריטער דארף פארן נאך סחורה אין ווילנע, מוז ער אויסלייען כאטש א 200—300 זל. צו נעמען מיט זיך אין ספאס. דעם פערטן מאכט זיך צו קויפן א קעלבל, א ביסל פלאקס וכדומה, און דער פינפטער מוז היינט ענטפערן א גמילות-חסד א צווייטן, וואס ער האט גענומען, ביז יענער וועט אליין דארפן די געלט א. אז. וו. א. אז וו., און אזוי אומלויפעניש און אומיאגעניש נאך א מזומנעם גראשן איז דא ביים גרעסטן טייל קרעמער און הענדלער א נארמאלע טעגלעכע דערשיינונג.

נאך דער שריפה, וואס האט מיט [illegible] יאר צוריק חרוב געמאכט דעם גרעסטן טייל שטעטל

(דעם צענטער, וואו עס זיינען געווען די שענסטע הײַזער און קראָמען). ווען עס איז אויך פאַרברענט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון די סחורות, וואָס זיינען געלעגן אין די קראָמען, האָבן די נשרפים איבערגעשטעלט גאַנץ שײַנע מויערן, וועלכע זיינען אָבער ביז היינט נאָך ניט פאַרענדיקט. זיי האָבן אָנגעלייגט אויף זייערע בנינים, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אָבער זיי קענען בשום אופן ניט פאַרטיק ווערן מיט זייער פאַרענדיקונג. וועגן אָט די אייגנטימער פון די אָקערשט אויפגעשטעלטע מויערן האָט פאַר מיר זיך אויסגעדריקט איינער אַ שטעטלשער אײַנוואוינער, וועלכער וואוינט אין אַן אַלטער, קליינער הילצערנער שטוב, אין דעם אופן, אַז ער וואָלט ניט געגעבן, אפילו גלײַך אויף גלײַך, זײַן שטיבעלע אויף איינעם פון די גרעסטע מויערן, ווען ער זאָל נאָר דאַרפן איבערנעמען אויף זיך די חובות פון בנין. לויט זײַן אויסרעכענונג שטייען איבער אָט די חובות דעם ווערט פון גאַנצן בנין, וועלכער קען ניט זײַן אין אַזאַ שטעטעלע, ווי קאָזיאַן, זייער גרויס.

קאַרעליטש (נאָוואָגרודקער קרײַז). אָפּגעברענט דעם 12 אויגוסט 1929. בויט זיך ביסלעכווייז אָפּ צוריק, אָבער מיט זייער גרויסע שוועריקייטן.

קורענעץ (ווילייקער קרײַז). די שטעטל האָט איבער 310 ײדישע פאַמיליעס. די לאַגע איז אַ שווערע, ווײַל אַ באַדײַטנדער טייל איז געוואָרן פאַרבראַנט דורך דער גרויסע שריפה, וואָס האָט אין זומער 1924 פאַרניכטעט אַ האַלבע שטעטל. מען האָט געוואָלט אַרויספירן דעם מאַרק פון שטעטל, אָבער נאָך השתדלותן איז ער געבליבן אויף אַן אָרט.

קימעלישאָק (סווענציאַנער קרײַז). אין שטעטל וואוינען 130—140 פאַמיליעס, פון זיי 36 ײדישע.

די הויפּט־פּרנסה — קרעמערײַ. אין שטעטל איז דאָ אַן איבערפלוס פון קראָמען. עס קומט דעריבער פאָר זייער אַ שטאַרקע קאָנקורענץ צווישן די איינצלנע קרעמער, און די פּרנסה איז זייער אַ קליינע. אויסערדעם דריקן דאָ פּוראָוויק די שטייערן. אַ ײדענע, וואָס גייט אַרום מיט אַ קאָשיק אין מאַרק עפּעס האַנדלען, מוז האָבן אַ פּאַטענט, כאָטש דער גאַנצער מסחר אירער איז אַ נישטיקער, ממש אַ גראָשענער. די אויסמעסטונגען פון אימזשק — פיל גרעסער, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט. אין אַלע דערפער האָבן זיך באַזעצט קריסטלעכע האַנטווערקער. די ײדישע בעלי־מלאכות, וואָס געפינען זיך אין שטעטל, זיינען דעריבער זייער נעדריקט.

קראַסנע (מאָלאָדעטשנער קרײַז). אין שטעטל וואוינען בײַ אַ 80 ײדישע פאַמיליעס. אַ באַלעבאַטע שטעטל. עס שטייט מיליטער. זיי האָבן אַפילו אַן אייגענעם קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער איז פאַרזען מיט כלערליי סחורות, נאָר פונדעסטוועגן פעלט עפּעס צו דער שטעטל. עס באַמערקט זיך אָבער אַ מאָדנע ערשײַנונג, ווען אַ טייל שטעטל אַרבעט אויס איר לעבן, געפינט זיך אַ צווייטער טייל אין אַ גרויסער נויט. דאָס זיינען די האַנטווערקער, אָדער מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג. אין אַלגעמיין, דאַרף די עקאָנאָמישע לאַגע, צוליב דעם שוואַכערן טייל פון דער ײדישער באַפעלקערונג, באַצייכנט ווערן, אַלס ניט קיין באַפרידיגנשטעלנדע.

ראַדון (לידער קרײַז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג — 350 פאַמיליעס, פון דעם 170 ײדישע.

די הויפּט־פּרנסה איז קרעמערײַ. דער מאַרק קומט פאָר מיטוואָך, ניט קיין גרויסער, ווײַל קיין פי־מאַרק איז ניטאָ. פאַראַן אַ קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, אָבער ער אַרבעט אָן ערפאָלג. איבערהויפּט איז דאָ די פּרנסה פון קרעמערײַ אַ קנאַפּע. אַ שטעטל אַ טויטע, אָן אַ גרעסערער באַוועגונג. אַ ביסל פּרנסה ברענגט אַרײַן די ישיבה פון „חפץ חיים", אין וועלכע עס לערנען ביז 300 בחורים. מען פאַרדינט פון קוואַרטירן און פון קאָכן פאַר די בחורים עסן. פאַר אַן אָרט צום נעכטיקן צאָלט אַ בחור 5—6 זל. אַ חודש. פאַרן קאָכן (זײַנע פּראָדוקטן) 5 זל. אַ חודש. כמעט אין יעדער הויז שטייען אײַן 2—3 בחורים. הערט די ישיבה אויף צו באַקומען געלט פון אַמעריקע, רופט עס זיך גלײַך אָפּ אויף די גאַנצע שטעטל.

דאָ פילט זיך אַן איבערפלוס אין שנײַדער און שוסטער. ווי דאָס שטעטל, אַזוי אויך די ישיבה גיבן זייער ווייניק אַרבעט. דער דאָרף האָט זײַנע אייגענע שוסטער און שנײַדער.

לויט דער פאַראָרדענונג פון דער מאַכט זיינען דאָ געשלאָסן געוואָרן 5 בעקערײַען. 2 בעקערײַען, אויסער די 5, האָבן דורכגעפירט אַ רעמאָנט און אַרבעטן דערווײַל.

אַ טייל פון די היגע ײדן זיינען קאָראָבעלניקעס, וועלכע פאָרן איבער דאָרף. זיי זיינען אַלע זייער נעדריקט. אַ טייל זיינען פורמאַנעס, וועלכע פירן מיטן וואָגן פון לידע סחורה פאַר די קרעמער. צום באַן גייט אַן אויטאָבוס (אַ ײדישער), און דאָס האָט אָפּגענומען אַ גרויסן טייל פּרנסה בײַ די פורמאַנעס.

ראַקאָוו (מאָלאָדעטשנער קרײַז). ז. זייטן 443—419.

ראַזשאַנקע (לידער קרײַז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז איבער 900 נפשות, פון זיי 700 ײדן.

4 קילאָמעטער פון ראַזשאַנקע געפינט זיך די ײדישע ערד־אַרבעטער קאָלאָניע רובראָווע, אין וועלכער עס וואוינען 25 ײדישע משפּחות.

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון דער ײדישער באַפעלקערונג פון שטעטל איז האַנטווערקערײַ: אויף 16 שנײַדער מיט שנײַדערקעס, 15 שוסטער, 22 בעלי־מלאכות פון אַנדערע פאַכן (בעקער, שטעפּער, שמידן, קצבים א. אַז. וו.), זיינען דאָ נאָר 24 קרעמער און קליינהענדלער (אין דער צאָל גייען אויך אַרײַן 8 קאָראָבעלניקעס, וועלכע פאָרן איבער דאָרף).

די בעלי־מלאכות, דערהויפּט די שוסטער און שנײַדער, זיינען אָרעמעלײַט. קיין מערק אין שטעטל קומען ניט פאָר. די קריסטן געוויינען זיך אַלץ מער און מער אײַנצוקויפן פאַרטיקע מלבושים און שיך בײַ די אָנגעזעענע קרעמער אויף די מערק אין דעם דערבײַאיקן שטעטל שטשוטשין. די צאָל פון די בעלי־מלאכות פון די פאַכן איז איבערהויפּט אַ צו גרויסע פאַר אַזאַ שטעטעלע, ווי ראַזשאַנקע, בפרט נאָך, ווען אין אַלע אַרומיקע דערפער און אין שטעטל גופא זיינען דאָ קריסטלעכע שוסטער און שנײַדער.

וואָס איז נוגע די קרעמער און קליינהענדלער, איז זייער לאַגע אויך אַ שווערע. אויסער דעם, וואָס אין שטעטל קומען ניט פאָר קיין מערק, וועלכע זיינען געוויינלעך, די עיקר־זאַך פאַר אַ קליינהענדלער און קרעמער, אַרבעט נאָך אין שטעטל מיט גרויס ערפאָלג אַ קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער ציט צו צו זיך אַ זייער באַדײַטנדן טייל פון דעם אַזוי אויך שוואַכן פּדיון.

אַ ײן בעקערײַ אין שטעטל האָט דורכגעפירט אַ רעמאָנט, וואָס האָט אָפּגעקאָסט 450 דאָלאַר, און זי אַרבעט איצט. 4 בעקערײַען זיינען געשלאָסן. זיי זיינען ניט ביכולת דורכצופירן דעם געפאָדערטן רעמאָנט.

רודזישעק (טראָקער קרײַז). ז. זייטן 448—453.

ראַדאָשקאָוויטש (מאָלאָדעטשנער קרײַז). די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 3.000 נפשות, פון זיי איבער 1.500 ײדן.

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די ײדן — קרעמערײַ, קליינהאַנדל און האַנטווערקערײַ.

אין שטעטל זיינען דאָ בײַ אַ 70 ײדישע קראָמען. דאָס שטעטל ליגט האַרט בײַ דער סאָוועטישער גרעניץ, און אַ האַלבע געגנט, פון וועלכן ראַדאָשקאָוויטש איז געווען פאַרן קריג דער צענטער, איז איצט דורך איר אָפּגעריסן. אויסערדעם, ליגן נאָענט פון ראַדאָשקאָוויטש — מאָלאָדעטשנע און קראַסנע, צוויי לעבעדיקע מסחר־שטעטלעך (אין ביידע שטייען מיליטער, און אין דער ערשטער געפינט זיך דער „פּאָוויאַט"), וואוהין דעם פויער לוינט בעסער צו פירן זײַנע פּראָדוקטן צו פאַרקויפן, ווײַל דאָרטן, צוליבן מיליטער און די גמינע, איז די פאָדערונג אויף זיי אַ גרעסערע און די פרײַזן זיינען דעריבער העכערע. צוליב די אַלע סיבות, איז דער מאַרק אין ראַדאָשקאָוויטש, וועלכער קומט פאָר איינמאָל אַ וואָך, אַלע דאָנערשטאָג, אַ קליינער. אין די איבעריקע טעג פון דער וואָך איז דער צופאָר פון פויערן אין ראַדאָשקאָוויטש נאָר אַ נישטיקער, און אין שטעטל איז דעמאָלט טויט און שטיל. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז בײַ אַזאַ לאַגע פילט זיך אין שטעטל אַ שטאַרקער איבערפלוס אין קראָמען. אין פאָריקן יאָר, ווען דער קריזיס אין האַנדל האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט, האָבן זיך געשלאָסן אַ טייל קראָמען (זייער צאָל איז דעמאָלט געווען מער ווי 70). אויך היינטיקס יאָר האַלטן בײַם שליסן זיך אייניקע קראָמען (אין דעם 3 שניט־קראָמען). די לאַגע פון די היגע קרעמער איז ממש אַ פאַרצווייפלטע. דער קליינער פּדיון און די גרויסע שטייערן האָבן גורם געווען דערצו, אַז כמעט קיין איינער פון די קרעמער האָט ניט קיין אייגענעם קאַפּיטאַל, און אַלע שווינדלען מיט פרעמדע געלט (דערהויפּט איז מען פאַרשולדיקט בײַ די ווילנער קרעמער). אין דער לעצטער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מודה פון אָפּשרײַבן די סחורה אין די קראָמען און די הויז־ווירטשאַפט (ס׳רוב בײַ די שניט־קרעמער) פאַר די פּראָטעסטירטע וועקסלען פון די ווילנער קרעמער.

אין שטעטל אַרבעט אַ קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו (אַ דעטייל־געשעפט), וועלכן עס האָט געגרינדעט אַ פּוילישער רעזערוו־אָפיציר. אין קאָאָפּעראַטיוו זיינען דאָ כלערליי סחורות, אַפילו שניט, לעדער און שוכוואַרג.

כאָטש דער קליינהאַנדל פירט זיך דאָ אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, פונדעסטוועגן האָבן אַלע היגע קליינהענדלער שטאַרק געליטן פון היי־יאָריקן קריזיס אין דער תבואה־בראַנזשע. פון דעם קריזיס האָבן געליטן ניט נאָר די קליינהענדלער אַליין, נאָר אויך פּריוואַטע פּערזאָנען, איבערהויפּט כּלה־מיידלעך, וועלכע האָבן אַרײַנגעטאָן זייער גאַנצן נדן אין דעם מסחר צוליב ספּעקולאַציע־צוועקן און זיי האָבן פאַרלוירן דורכדעם אַ האַלבן אייגנס זייערן.

פון די האַנטווערקער שטייען זייער שלעכט די שוסטער און שנײַדער. די שטעטלשע און איבערהויפּט די דאָרפישע שוסטער און שנײַדער האָבן בײַ די ײדישע בעלי־מלאכות אַוועקגענומען די גאַנצע אַרבעט.

אַ פּאָר צענדליק פאַמיליעס לעבן דאָ פון „גערטנערײַ“ אָדער פון האַלטן סטרער (די גערטנער פּרענדירט מען בײַ די שטעטלשע פּויערים און די סטרער בײַ די אַרומיקע פּריצים). פאַריקן יאָר האָבן סײַ די גערטנערער, סײַ די „סאַדאָווניקעס“ צוגעלײגט דאָס גאַנצע געלט, וואָס זײ האָבן אַרײַנגעטאָן אין די עסקים.

כמעט 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג באַקומט בונעסיקט שטיצע פון קרובים פון אַמעריקע. אָדאַנק דער שטיצע האַלטן זיך נאָך אַלע ווי עס איז אויף די פיס.

שטשוטשין (בײַ לידע). די אַלגעמײנע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז 2.500 נפשות, פון דעם בײַ אַ 2.000 ייִדן.

די הויפּט-באַשעפטיקונגען זײַנען קרעמערײַ און קלײנהאַנדל. אין שטאָט פילט זיך אַן איבערפלוס פון קראָמען. אויסערדעם, עפענען זיך אין די דערפער אַלץ נײַע און נײַע קריסטלעכע קראָמען, וועלכע ציִען אָפּ די לייזונג פון שטעטל. אין שטעטל אַלײן אַרבעט אַ קריסטלעכער קאָאָפּעראַטיוו און 3 גרויסע און רײַכע פּריוואַטע קריסטלעכע קראָמען. אויף די מאַרק, וועלכע קומען פאָר אײנמאָל אין וואָך, דאָנערשטאָג, פאָרן אָן קרעמער מיט כלערלײ סחורות, דערהויפּט מאַנופאַקטור, פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך. די קאָנקורענץ צוליב די אַלע אויסגערעכנטע סיבות איז זײער אַ גרויסע און די פּרנסה איז אַ קלײנע.

דער קלײנהאַנדל לײַדט דאַנקליכן פון דער קאָנקורענץ פון די אָרעמערע קלײנהענדלער, וועלכע פאָרן אָן אויף די מאַרק, און איבערהויפּט פון דעם מאַנגל אין אומזאַץ-קאַפּיטאַל.

די שוסטער און שנײַדער זײַנען זײער געדריקט. מען קויפט איבערהויפּט פאַרטיקע שיך און זאַכן. אין שטעטל און אין אַלע אַרומיקע דערפער געפינען זיך גוטע קריסטלעכע בעלי-מלאָכות פון אַלע פאַכן.

5 בעקערײַען האָבן דורכגעפירט גרויסע רעמאָנטן און אַרבעטן. 10 בעקערײַען זײַנען געשלאָסן. זײ האָבן ניט קײן פּאַסנדע לאָקאַלן, און האָבן אויך ניט די מיטלען אויף דורכצופירן די געפאָדערטע רעמאָנטן.

אַלגעמײנער סך-הכל.

אויפן יסוד פון די אויבן-געבראַכטע 50 באַריכטן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אונזערע שטעטלעך מוז מען קומען צום טרויעריקן באַשלוס, אַז די קלײנע ייִדישע שטעטל אין ווילנער געגנט געפינט זיך אין זײער אַ שווערן עקאָנאָמישן מצב, זי הענגט ווירטשאַפטלעך צווישן לעבן און טויט, אירע אײַנוואוינער פירן אַ ביטערן קאַמף פאַרן עלעמענטאַרסטן קיום בײַ אויסערסט שווערע באַדינגונגען און אָן פּערספּעקטיוון אויף בעסערס אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

די באַשרײַבונג, שטילע און קורצע באַריכטן, געשריבן אײַנפאַך און זאַכלעך, אָן באַזונדערע טעאָריעס און ספּעציעלע אַנאַליזן, נאָר אַזוי ווי דאָס טרוקן לעבן דאָרט אין די שטעטלעך איז, — עס איז אויסגעלײגט פון אויבן-אויף קלאָר און דײַטלעך און טרויעריק-פּשוט, — גיבן ניט נאָר דעם עצם-בילד, נאָר ברענגען אויך צו אַ גאַנצער רײ מיסטירן, וואָס זײער וויכטיקײט איז ניט צו באַשטרײַטן און זײער פאַרענטפערונג איז דרינגענד-נויטיק.

אַ טײל פון די פּראָבלעמען ליגן אין די אַלגעמײן מלוכהשע באַדינגונגען, אַ טײל אין דער ספּעציפישער סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג; אַ טײל ווידער אין די ספּעציפישע אײגנשאַפטן פון דער דאָזיקער געגנט וואָס איז אַגב באַזונדערס צערואינירט געוואָרן פון דער מלחמה און פון אַלע אירע פאָלגן) מיט אירע דורכאויס קלײנע און קלײנינקע שטעטלעך כמעט אָן קײן שום אינדוסטריע מיט אַ צענטראַלער שטאָט, וואָס איז ווירטשאַפטלעך אַלײן פול מיט דלות; אַ טײל — אין קינסטלעכע פאַקטאָרן, וואָס דאַרפן ווערן באַקעמפט און באַזײַטיקט אָדער אין צווינגע תנאים, וואָס ס'לאָזט זיך אפשר צערויסהעלפן פון זײ דורך געזעלשאַפטלעכע מיטלען און אַקציעס.

ס'איז ניט איבעריק דאָ אונטערצוציִען די לעצטע שורה, אונטערשטרײַכנדיק אַ רײ וויכטיקערע פּונקטן וועגן דער לאַגע גופא לויט די באַריכטן: 1. **די קריסטלעכע האַנדלס- און קאָנסום-קאָאָפּעראַציעס.** גרויסע געשעפטן מיט אַלערלײ סחורות און פיל אומזאַץ-מיטלען, פּריווילעגירט אין שטײַערן, ווערן געשטיצט פון אײנפלוסרײַכע און מאַסגעבנדע פאַקטאָרן. רואינירן דעם ייִדישן האַנדל און ברעכן אונטער די עקזיסטענץ פון די ייִדישע קראָמען. שטעלן זיך אָפטמאָל אַוועק אינמיטן מאַרק, בויען זיך אויס אײגענע הײַזער. 2. **די עטאַטיסטישע ווירטשאַפט.** די מלוכה און די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס נעמען איבער ווירטשאַפטלעכע צווײַגן, אין וועלכע ייִדן זײַנען פון לאַנג אָן געווען באַשעפטיקט. די ייִדן פאַרלירן דורך דעם די פּרנסה. צו די נײַע אַרבעטן ווערן זײ ניט צוגעלאָזן. זאָר גאַסמע נעמט מען זײ ניט אָן. 3. **די גרויסע שטײַערן.** באַזונדערס שווער לײגן זיך די צו גרויסע שטײַערן אויף די קרעמלעך און אונטערנעמונגען אין די קלײנע שטעטלעך. עס נעמט צו דעם לעצטן רעשט, דאָס ביסל פאַרדינסט. 4. **דער אונטערגאַנג פון פּרנסות.** צוליב אַ גאַנצער רײ עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות, גרענעצן אַן פאַרלאָרענעם רוסישן מאַרק, זײַנען אונטערגעגאַנגען און גײען אונטער פיל ייִדישע פּרנסות. 5. **די קאָנקורענץ אויף די מאַרק.** די שטעטל לעבט פון דעם באַזאַר, וואָס קומט פאָר 1 מאָל אָדער 2 מאָל אין וואָך. פירט מען אָבער אָן אויף די מאַרק פאַרטיקע זאַכן און שיך, ברענגט מען אָן פון דער פרעמד סחורה, פאַרקויפט מען ניִדעריקער פון דעם פּרײַז און מען שלאָגט אונטער דעם פּרײַז פון די אָרטיקע קרעמער און האַנטווערקער. 6. **דער קריסטלעכער האַנדל.** אַלץ מער און מער נעמט זיך אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג צום האַנדל און קרעמערײַ און שטויסט אַרויס די ייִדן פון זײערע אַלטע פּאָזיציעס. ס'עפענען זיך קריסטלעכע קראָמען אין די דערפער גופא. ס'עפענען זיך קריסטלעכע קראָמען אויף די מאַרק-פּלעצער. ס'פאָרן אָן וואַנדערנדיקע קריסטלעכע הענדלער. 7. **די קריסטלעכע מלאָכה.** ס'מערן זיך קריסטלעכע בעלי-מלאָכות, וועלכע שטײַגן אָפט אַריבער די ייִדישע אין קוואַליטעט. זײ אַרבעטן אויך אין די דערפער. זײ האָבן אויך אַנדערע באַשעפטיקונגען, האָבן ערד און זײער מעמד איז פעסטער. צווישן זײ זײַנען פאַראַן גרעסערע ספּעציאַליסטן, אויך אַרײַנגעקומענע, וואָס באַזעצן זיך אין די שטעטלעך. 8. **איבערפלוס פון קראָמען.** ניטאָ קײן אַנדערע פּרנסות, גײען אונטער די פריִערדיקע, קומען ניט אויף קײן נײַע, — עפנט מען אַלץ קרעמלעך, אײנע אויף די אַנדערע. דער איבערפלוס איז גרויס אַפילו דאַן, ווען פיל קרעמלעך זײַנען געצוואונגען צו פאַרמאַכן זיך צוליב מאַנגל אין לייזונג און דאָס לעבן איז עלנט און ביטער. 9. **דוחק אין אומזאַץ-מיטלען.** די ייִדישע אונטערנעמונגען לײַדן פון מאַנגל אין קרעדיט, האָבן ניט קײן אונטערשטיצונגען ניט פון קײן סײמיק, ניט פון די גמינעס און ניט פון די מלוכהשע און קאָמונאַלע באַנק. די פּראָדוקטיווע ייִדישע באַשעפטיקונגען האָבן ניט וואו צו באַקומען קײן מיטלען אויף אינוועסטיציעס. דער גאַנצער ייִדישער קרעדיט דרייט זיך אַרום די ייִדישע פאָלקסבאַנקען און גמילות-חסדים-קאַסעס. 10. **פאַרשידענע סיבות.** יעדע נײַע פאַראָרדענונג לײגט זיך ווי אַ שווערע משא. דאָ קעמפט מען קעגן אַריבערטראָגן דעם מאַרק, דאָ קרעכצט מען אונטער די סאַניטאַרע תקנות און פאָדערונגען פון רעמאָנטן. אַריבערטראָגן דעם מאַרק, אַמאָל הינטערן שטעטל, הייסט צונעמען בײַ ייִדן די גאַנצע פּרנסה; אויף דורכפירן די סאַניטאַרע פאַראָרדענונגען און די רעמאָנטן איז לחלוטין ניטאָ קײן געלט. קומט פאָר אַן אומגעראָטעניש אויף דער אָרעמער ערד (די לעצטע דרײַ יאָר האָט עס כבֿר געטראָפן אין אַ רײ קרײַזן) — דער פּויער הונגערט — הונגערט אויך די שטעטל. דער קרעמער לייזט ניט, דער בעל-מלאָכה האָט ניט פאַר וועמען צו אַרבעטן. און דאָסזעלבע, ווען דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקט איז צו ביליק. 11. **די פאָלגן.** דאָס לעבן אין שטעטל איז זײער פּרימיטיוו און אײַנפאַך. די פּרנסה איז פולשטענדיק אומזיכער און צופעליק. דער פאַרדינסט איז זײער קלײן. די אָרעמקײט איז גרויס. די יוגנט גײט אום לײדיק און האָט זיך ניט צו וואָס צו נעמען. צו שטעלעס בײַם מלוכה-אַפּאַראַט און זעלבסטפאַרוואַלטונגען, אָפיציעלע און האַלב-אָפיציעלע אונטערנעמונגען, אַרבעטן אין באַשעפטיקונגען, איז דער וועג כמעט ווי געשלאָסן. פאַרקערט, די דאָזיקע מעכטיקע פאַקטאָרן ווערן אַלײן אונטערנעמער און מאָנאָפּאָליסטן. אַ גרויסע צאָל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג לעבט פון דער שטיצע, וואָס די אַמעריקאַנער קרובים שיקן צו. צוליב די גרויסע באַגרענעצונגען אין די נעהעריקע לענדער פאַרענטפערט ניט די עמיגראַציע אַפילו אַ טײל פון די שפּאַנונגען, מעגלעכקײטן און באַדאַרף. די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע ווי אויך די קולטורעלע זעלבסטהילף (שולוועזן) איז זײער אָנגעשטרענגט און אויסגעמאַטערט און צוליב דעם גאָר קנאַפּן (אָדער כמעט ניט) שטיצן די דאָזיקע נויטן און אינסטיטוציעס מצד די מאַסגעבנדיקע פאַקטאָרן פון די אַלגעמײנע שטײַער-קוועלן מוז די ייִדישע באַפעלקערונג גופא, ווילנדיק ניט ווילנדיק, ווײַטער אויספּרעסן פון זיך (חוץ די אַלגעמײנע שטײַערן) באַזונדערע באַדײַטנדע געלט-מיטלען דורך צאָלונגען און אָפּצאָלונגען פּריוואַט און געזעלשאַפטלעך אָדער דורך די צוואַנגס-באַשטײַערונגען פון די קהלות.

רעד.

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

פראָווינץ-באַריכטן און זכרונות

דער אָנהויב פון דער אויפבוי-אַקציע אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן.

1.

די גרינדונג פון נאָוואָגרודקער קאָמיטעט ביים פאָרשט"ער פון קאַרעליטש, ליובטש, דעליאַטיטש, ניישטאָט און האַראַדישטש. — די רעכט, וואָס ער האָט באַקומען פון דער דייטשער מאַכט. — די ביגים-פיאָנערן און די פאַרלאַנגטע הנחות פאַר זיי. — דער דייטשער קאָמענדאַנט מיעכאָוו. — זיין הנהגה און מעשים. — מיטגליעדער פון קאָמיטעט פאָרן צו אים מיט אַ שליחות.

נאָכן שליסן דעם וואָפנשטילשטאַנד צווישן די דייטשן און רוסן און נאָכן אָוועקרוקן זיך פון דער דייטשער אַרמיי צו מזרח פון זייערע פּאָזיציעס אויפן ניעמאַן און טייך סערוועטש, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען פון סוף סעפּטעמבער 1915, האָט זיך צווישן די פּאָר הונדערט יידישע פאַמיליעס, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן פון פראָנט-געביט (פון די שטעטלעך: קאָרעליטש, ליובטש, דעליאַטיטש און ניישטאָט) אין נאָוואָגרודאָק, אויפגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג זיך אומצוקערן אויף זייערע אַלטע ערטער. צו דעם צוועק האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וועלכער איז דעם 17-טן מאַי 1918 באַשטעטיקט געוואָרן פון דער דייטשער מאַכט אונטערן נאָמען: Das jüdische Übersiedlungs-Bu- und Unterstützungs-Komitee, Nowogrudek.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 18 מיטגלידער, פון זיי 17 פאָרשטייער פון די 4 אויבנדערמאָנטע שטעטלעך און דער 18-טער, דער פאָרזיצער, איז געווען דער דעמאָלטיקער רב אין נאָוואָגרודאָק און איצטיקער ווילנער שטאָט-מגיד, הרב ר׳ מנחם קראַקאָווסקי. נאָכדעם איז צוגעצויגן געוואָרן אויך 1 פאָרשטייער פון האַראַדישטש.

די רעכט, וואָס דער קאָמיטעט האָט באַקומען פון דער דייטשער מאַכט, זיינען געווען פאָלגנדע:

1) אָרגאַניזירן דעם צוריקקער פון די היימלאָזע אויף זייערע ערטער.

2) אונטערשטיצן מיט געלט די פּערזאָנען, וואָס ווילן זיך אומקערן אויף בויען און רעמאָנטירן וואוינונגען.

3) אָרגאַניזירן אין די דערמאָנטע שטעטלעך דעם קהלה-לעבן, גרינדן שולן צו לערנען קינדער און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן.

4) קומען אין פאַרבינדונג מיטן צענטראַלן אונטערשטיצונגס-קאָמיטעט אין ווילנע (פאָרזיצער ראַבינער רובינשטיין) און אַנדערע הילפס-קאָמיטעטן, צו באַקומען פון זיי געלט און פאַרטיילן דאָס געלט.

5) צו זיין די פאָרשטייערשאַפט פון די היימלאָזע פאַר דער דייטשער ציווילער מיליטערישער מאַכט.

איך, אַלס אַ קאָרעליטשער, האָב זיך מער אינטערעסירט מיט מיין שטעטל.

דאָס ערשטע איז געווען אויסצוגעפינען אַ פּאַסנדן מענטשן-מאַטעריאַל, אַזוי צו זאָגן אַ מין „החלוץ“, פאַמיליעס אַרבעטספעאיקע, צוגעוויינטע צו שווערער אַרבעט, באַזונדערס ערד-אַרבעט, און וועלכע באַזיצן אַביסל פּראָדוקטן (תבואה, קאַרטאָפל א. א.) און אויך פערד אָדער קי. די גאַנצע געגנט אַרום קאָרעליטש, אין אַ קרייז פון איבער 10 קילאָמעטער אַרום און אַרום, איז געווען אַן אמתער מדבר, מיט ניט באַאַרבעטע פאַר דער גאַנצער צייט, פעלדער, חרובע ישובים (בתוכם אויך די שטעטל אַליין) און טיילווייז אויך אויסגעהאַקטע וועלדער און אפילו פּרוכטסעדער. די געקומענע האָבן געמוזט דעריבער מיטברענגען צום עסן ביז צו דער נייער געראַטעניש. זיי האָבן אויך געמוזט זיין גרייט צו זייער אַ שווערער אַרבעט פון באַאַרבעטן אַ פאַרלאָזטן און מיט דערנער און ווילדע גראָזן באַוואַקסענעם באָדן און פון שאַפן זיך וואוינונגען אין די עטלעכע פאַרבליבענע חורבות אין שטעטל.

אונזער אויסוואַל איז געפאַלן אויף אַן ערך אַ צענדליק פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך די גאַנצע צייט פון אַרויסשיקונג געפונען אין די דערפער אַרום נאָוואָגרודאָק. די פאַמיליעס זיינען געווען די פּאַסיקסטע צו זיין דער „החלוץ“, ווייל זיי האָבן געהאַט די אַלע פריער אויסגערעכנטע מעלות. כדי צו באַוועגן זיי צום איבערפאָרן און אויך כדי צו אויספּועלן ביים קאָמענדאַנט, אונטער וועמעס ממשלה זיי האָבן זיך געפונען, פאַרשיידענע הנחות און פאַרלייכטערונגען, וועלכע זאָלן זיי מעגלעך מאַכן דאָס פאַרלאָזן פון זייערע ביז איצטיקע ערטער, בין איך מיט נאָך אַ מיטגליד פון קאָמיטעט אַרויסגעפאָרן אין די דערפער.

די פאַרלאַנגטע הנחות און פאַרלייכטערונגען זיינען באַשטאַנען אין פאָלגנדעם: 1) אַרויסגעבן זיי זייער תבואה-ראַציאָן אויף 3 חדשים פאָראויס (ביז דער נייער געראַטעניש); 2) ערלויבן זיי אַרויסצופירן זייערע פערד, קי, קעלבלעך א. א.; 3) ערלויבן זיי צו קומען צו שניט-צייט אַראָפּצונעמען די פון פאָריקן יאָר פאַרזייטע קאָרן און אויסגראָבן די שוין אין דער יאָר (מיר האָבן זיי באַזוכט אין אָנהויב מאַי 1918) פאַרזעצטע קאַרטאָפל; 4) געבן זיי אומזיסטע פורן אויף אַריבערצופירן זייער ווירטשאַפט אין קאָרעליטש.

דער קאָמענדאַנט, צו וועמען מיר האָבן זיך געדאַרפט ווענדן, איינער אַ מיעכאָוו, האָט געשמט אין גאַנצן קאַנט פאַר אַ רשע און אַ רוצח. אונטער אים איז געווען אונטערגעוואָרפן זייער אַ גרויסע געגנט (איבער 40 ישובים). ער פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער דער באַפעלקערונג, אָן אָפּרו טרייבן אויף צוואַנגס-אַרבעט, פאַרן קלענסטן עובר זיין אויף זיינע ספּעציעלע פאַרבאָטן שלאָגן מכּות-רצח. דערביי, אָבער, האָט ער געהאַט איין מעלה: זיינע היימלאָזע — דער גרעסטער טייל יידן — האָט ער באַזאָרגט מיט דירות און אויך מיט אַ שטענדיקן ראַציאָן, וועלכן זיי האָבן פּינקטלעך די גאַנצע צייט באַקומען.

מען האָט אונז געגעבן אַנגעשראָקן אין דאָרף מיט זייער שלעכטן קאָמענדאַט. און ווירקלעך, ווען מיר זיינען גאַנץ פרי געקומען אין זיין „רעזידענץ“, אַ שיינעם פּריצישן פּאַלאַץ אינמיטן אַ סאָד, און מיר האָבן דערזען די גרויסע מאַסע ווייסרוסישע פּויערים, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט אַן אויסדרוק פון שרעק אויף זייערע פּנימער, דערוואַרטנדיק דעם קאָמענדאַנטס „געריכט“ (ער איז אויך געווען דער שופט) פאַרן עובר זיין אויף פאַרשיידענע זיינע פאַרבאָטן; זיינע „בורשן“, וועלכע האָבן געשלאָגן מיט זייערע נאַהאַיקעס אויף לינקס און אויף רעכטס פאַרן מפלומרשטן ניט שטיין אין אָרדענונג, און, לסוף, דערהערנדיק זיינע ווילדע געשרייען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון דערווייטנס, ווי אַ בילן פון אַ שטאַרק צורייצטן הונט, איז אונז געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך.

דערזעענדיק אונז, האָט ער, ווי ס׳ווייזט אויס, גלייך באַמערקט, אַז מיר זיינען „פרעמדע“, שטאָטישע, און האָט אונז גלייך אַריינגערופן אין זיין קאַנצעליאַריע,

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

אויסגעהערט אונז און צוגענומען די שריפטלעכע ביטע. שפּעטער מיט אַ חודש, אַז אייניקע פון די דאָרפישע פאַמיליעס האָבן ווירקלעך איינע פון די ערשטע זיך איבערגעצויגן קיין קאָרעליטש, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן יאָ עפּעס געפּועלט מיט אונזער שליחות.

.2

דער מעמאָראַנדום פאַרן צ. ק. אין ווילנע. — די מעלדונג פון דער דייטשער אויבער-קאָמאַנדע וועגן אַרויסגעבן האָלץ אויף בויען הייזער.

נאָך פריער פאַר דעם, אין אַפּריל 1928, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום פאַרן צענטראַלן אונטערשטיצונגס-קאָמיטעט אין ווילנע וועגן דער מעגלעכקייט פון צוריקקערן זיך פון אַ טייל היימלאָזע פון נאַוואָגרודאָק אויף זייערע אַלטע ערטער און אויך אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פון זייער לאַגע און געבעטן געלט אויף דעם צוועק. דער מעמאָראַנדום איז דורכן צענטראַל-קאָמיטעט איבערגעשיקט געוואָרן אין דער Ob-Ost Abteilung 5 (לייטער לט. דר. שטרוק).

דעם 30 מאַי 1918 האָט אונז דער צענטראַל-קאָמיטעט איבערגעשיקט אַ מעלדונג פון דער אויבערקאָמאַנדע פון דער 10-טער אַרמיי (דאַטירט דעם 27 מאַי), אין וועלכער ס'באַשטעטיקט זיך די דערהאַלטונג פון אויבנדערמאָנטן מעמאָראַנדום און אַ מיטטיילונג, אַז אַלע באַטרעפנדע מאַכט-אָרגאַנען פון די פונקטן, וואָס ווערן דערמאָנט אין אונזער מעמאָראַנדום, (אויסער די, וואָס ליגן אין שפּער-געביט) האָבן באַקומען אַן אָנווייזונג אַרויסצוגעבן בוי-האָלץ די צוריקוואַנדערער אויף בויען זייערע הייזער.

אָט איז די מעלדונג:



Armee-Oberkommando
der 10 Armee
I Va 69 30 6289/18.

A. H. Qu. den 27. 5. 18.
Deutsche Feldpost 671.

Das am 5. 5. 18 an Obost Abt. V z. H. des Herrn Lt. Struck gerichtete Gesuch ist hierher abgegeben worden. Die in Frage kommenden Dienststellen sind angewiesen, den Rückwanderern, soweit das Sperrgebiet nicht in Frage kommt, Holz zum Wiederaufbau ihrer Häuser zur Verfügung zu stellen.

Von seiten des Armee-Oberkommandos.
Der Oberquartiermeister.

Unterschrift
Oberleutnant.

.3

די ערשטע שטיצע פון צ. ק. — קאָרעליטש און אומגעגנט אין מאַי 1918. — די פייער-זאָנע. — אַ דעלעגאַציע פון קאָמיטעט באַזוכט די שטעטל און געפינט שרעקלעכע חורבנות.

דעם 15-טן מאַי 1918, מיט צוויי טעג פריער, איידער אונזער קאָמיטעט איז באַשטעטיקט געוואָרן, האָבן מיר דערהאַלטן פון צ.-ק. 15000 דייטשע מאַרק פאַר די צוריק-וואַנדערער אויף ערד-אַרבעט און ווידער-אויפבוי פון די צעשטערטע הייזער אין די שטעטלעך: ליובטש, קאָרעליטש, דעליאַטיטש און ניישטאָט, אַזוי, אַז מיר האָבן שוין געהאַט ביי דער באַשטעטיקונג פון קאָמיטעט אַ געוויסע סומע צו פירן די אַרבעט.

אָבער בנוגע דעם צוריקקער פון די קאָרעליטשער היימלאָזע, ווי ס'איז אונז מיטגעטיילט געוואָרן, איז געווען צו דערוואַרטן שטערונגען מצד דעם דאָרטיקן דייטשן קאָמענדאַנט. הרב קראַקאָווסקי, איך און נאָך 1 פאָרשטייער פון קאָרעליטש האָבן באַקומען אַ שיין צו פאָרן אַהין זיך פאַרשטענדיקן מיטן קאָמענדאַנט.

שוין אַ 12 קמ. פאַר קאָרעליטש איז קאָנטיק געווען די פאַרוויסטונג, וואָס די מלחמה-יאָרן האָבן אָנגעמאַכט. פּוסטע, האַלב-פאַרברענטע דערפער, וויסטע מיט הויכע, דיקע גראָזן, דערנער און קראָפּיווע באַדעקטע פעלדער. ערטערווייז זיינען אויסגעוואַקסן אויף די פעלדער גאַנצע וועלדלעך פון בעריאָזעס און טאָפּאָלן.

עס איז געווען אַ ליכטיקער, וואַרימער מאַי-פרימאָרגן, און מיר, וועלכן עס איז גוט באַקאַנט געווען די גאַנצע געגנט אַרום און אַרום, איז עס מאָדנע וואונדערלעך פאָרגעקומען, וואָס עס הערשט אין דער צייט יאָר אַזאַ טויטע שטילקייט אַרום, עס הערט זיך ניט אַפילו קיין פּיפּס פון אַ זינג-פייגעלע, נאָר קראָעס זיצן אויף די בוימער ביי די זייטן פון וועג און גלאָצן אָן די פאַרבייגייער, אַן אמתער מדבר...

אַן 8 קילאָמעטער פאַר קאָרעליטש איז ביי דער זייט פון וועג אויף אַ סלופּ געהאַנגען אַ שילד מיט אַן אויפשריפט אין 2 שפּראַכן: אין דייטש און רוסיש. דעם רוסישן טעקסט פון אויפשריפט געדענק איך נאָך איצט. עס האָט געהייסן: „Кто переступитъ эту линiю, тотъ безъ предостереженiя будетъ разстрѣлянъ“.

פון דעם אָרט האָט זיך אָנגעהויבן, ווי עס האָט דעמאָלט געהייסן, די „פייער-זאָנע“. 3 קילאָמעטער פאַר קאָרעליטש האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע בעטאָנענע טראַנשייעס, און די לעצטע 2 קילאָמעטער זיינען מיר דורכגעפאָרן דורך אַ גרויסע צאָל דראָט-פאַרצאַמונגען. ביים אַריינפאָר אין שטעטל האָט אונז אָפּגעהאַלטן אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס, וועלכער האָט אונז געהייסן פאָרן צוריק אין הויף, וואו עס געפינט זיך דער קאָמענדאַנט און די „דינסט-שטובע“.

אַזוי ווי דעם קאָמענדאַנט האָבן מיר ניט געטראָפן אין דער היים, האָבן מיר אויסגעפּועלט ביי די שרייבער אין דער „דינסט-שטובע“ ביז זיין צוריקקומען אַן ערלויבעניש, אין דער באַגלייטונג פון אַ סאָלדאַט, אַרומצוקוקן די שטעטל.

איך האָב געוואוסט וועגן חורבן פון דער שטעטל, מפּי השמועה, אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, איז זען ניט גלייך צו הערן. דאָס גאַנצע שטעטל מיט די עטלעכע איינזאַם-פאַרבליבענע חורבות, מיטן מאַרק, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט אַן אייל-הויכן גראָז, מיט די וועלדלעך „אָסיניק“ אויף די פּלעצער און הויפן, מיטן אָפענעם פון אַלע זייטן בית-עולם אינמיטן וויסטן שול-הויף, אויף וועלכן עס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט פאַרווילדעטע קעץ, וואָס האָבן בייז געקריצט מיט די ציינער, ביים דערנענטערן זיך צו זיי, גרייט איינצובייסן, און פּלוצלונג, דערשרעקנדיק זיך, אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן אין די אוהלים אויפן בית-עולם; אַפילו די לאַווע פון שול-הויף ביזן באָד, וועלכן די דייטשן האָבן אויסגעלייגט פון די שטיינערנע מצבות, אויסגעבראָכענע פון די קברים, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ שרעקלעכן רושם, אַז איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. הרב קראַקאָווסקי, פילנדיק אין וואָסער צושטאַנד איך געפין

זיך, האָט מיר אַלץ געטרייסט און גערעדט וועגן שנעלן אָפבויען זיך פון שטעטל. ביי יענער צייט האָט זיך דאָס ניט געקאָנט גלויבן, וואָס עס איז איצט, אין 6 יאָר אַרום געוואָרן אַ ווירקלעכקייט.

אויף דער לאַנגער גאַס, וואָס פירט צום פראָנט, איז פאַרבליבן נאָר איין חורבה פון אַ בנין. אַלע איבעריקע הייזער פון דער גאַס מיטן גאַנצן גרויסן קריסטלעכן קוואַרטאַל, וואָס ציט זיך נאָך איר, איז געווען אַראָפגעטראָגן. אין פאַרשיידנאַרטיקע זיגזאַגן האָבן איר אומצייליקע מאָל איבערגעהאַקט גראָבנס און טיפע גאַנגען, פאַרוואַקסענע פון ביידע זייטן מיט קראָפיווע און ווילדע גראָז. די גאַנצע גאַס און אַרום איר און ווייטער, ביז ווייט די אויג האָט געכאַפט, האָט געשאַפן דעם איינדרוק פון אַ ווילדן, מיט אָקאָפעס און לעכער דורכגעגראָבענעם קוסטאַרניק.

4.

די דעלעגאַציע ביים קאָרעליטשער קאָמענדאַנט און ראַיאָן-אָפיצער. — אַ דייטשער פאַסטאָר אין שול ביים דאַוונען. — קאָרעליטשער יידן וועגן זייערע ספרים. — די פראַוואָסלאַווישע צערקווע און די בתי-מדרשים. — דער קאָמענדאַנט פירט ווייזן די יידישע ספרים — און מען געפינט צערקווע-ביכער.

דער קאָמענדאַנט האָט אונז אָפגעשיקט צום ראַיאָן-אָפיצער, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ הויף 6 קמ. פון קאָרעליטש. ער אַליין האָט ניט געקענט דערליידיקן די פראַגע וועגן דערלויבן די היימלאָזע אומקערן זיך.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן די שטעטל, האָט זיך מיר געוואָלט אויפקלערן נאָך אַ וויכטיקע פראַגע, וועלכע האָט אָנבאַלאַנגט פיל פריערדיקע איינוואוינער פון קאָרעליטש. אונזער שטעטל האָט פאַר דער מלחמה פאַרמאָגט אַ שפּאָר ביסל לומדים. ביי יעדערן פון זיי איז געווען אַ שיינע ביבליאָטעק ספרים (ש״ס, שו״ת, דרוש-ספרים א. א.), וועלכע מען האָט ניט באַוויזן אַרויסצופירן. ס'זיינען אויך פאַרבליבן אין שטעטל פיל אַנדערע ספרים (העברעאישע און רוסישע).

יום-כפור תרע״ז איז צווישן די דייטשע באַזוכער אין דער שול געווען אויך אַ פאַסטאָר, וועגן וועלכן מיר האָבן זיך צופעליק דערוואוסט, אַז ער געפינט זיך אויפן פראָנט אין קאָרעליטש. אָט צו דעם פאַסטאָר האָבן זיך איניקע קאָרעליטשער יידן געווענדעט וועגן גורל פון זייערע ספרים. דעם 1-טן אָקטאָבער 1917 האָבן מיר פון אים באַקומען אַ בריוו, אַלס ענטפער אויף דער דערמאָנטער ווענדונג. דער בריוו האָט אונז אַריינגעגעבן, כאָטש ניט זייער קיין קלאָרע, אָבער דאָך אַ האָפענונג, אַז די ספרים זיינען ערגעץ-וואו אויסבאַהאַלטן און באַשיצט געוואָרן פון פאַרניכטונג.

איך האָב באַוויזן דעם בריוו דעם קאָמענדאַנט, און גלייך האָט ער אַרויסגענומען שליסלען, איבערגעגעבן זיי דעם עלטסטן שרייבער און געהייסן פירן מיר צו דעם אָרט, וואו די ביכער זיינען. דער שרייבער האָט מיר צוגעפירט צו דער טיר פון דער פראַוואָסלאַווער צערקווע, אָפגעשלאָסן דעם שווערן הענגשלאָס און מיר זיינען אַריין אינעווייניק. שטיקלעך גלאָז אויף דער פאָדלאָגע פון אַ פאָר אין קופאָל צעבראָכענע שויבן, אַ ברעטל פון סופיט האָט זיך אָפגעריסן פון איין זייט און הענגט אויפן צווייטן עק, גרייט יעדע ווײַלע אַראָפצופאַלן — און ווייטער קיין שפורן פון אַ חורבן... אַזוי ווי מיט אַ פאָר טעג צוריק וואָלטן דאָ נאָך געווען די בעלי-בתים. אַלע הייליקע בילדער שטייען אין דער בעסטער אָרדענונג אין אַלטאַר, די גלעזער פון די בילדער זיינען אפילו ניט זייער שטאַרק באַשטויבט. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צו די פאַרבליבענע 3 חורבות פון די יידישע בתי-מדרשים, מיט די אַרויסגענומענע טירן, פענסטער, צופירטע אויוונס, אויסגעהאַקטע פון אינעווייניק ווענט, דיל און סופיט, אויסגעזעגטע באַלקנס. די בתי-מדרשים אַליין האָבן געדינט אַלס שטאַלן פאַר פערד, און הויכע קופעס מיסט האָבן שווער געמאַכט דעם אַריינגאַנג אין זיי.

די ביכער, וועלכע האָבן געדאַרפט זיך געפינען אין די אַלמערס הינטערן אַלטאַר, זיינען געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ פאָר אַלטע דיקע צערקווע-ביכער אויף „צערקאָווני סלאַוויאַנסקי". די יידישע ספרים האָבן זיך נאָך ביז היינט ניט געפונען, און געוויס זיינען זיי פאַרנוצט געוואָרן פון די סאָלדאַטן צום הייצן אין די טראַנשייעס אָדער צו נאָך ערגערע צוועקן.

5.

די דעלעגאַציע ביים קרייז-ווירטשאַפטס-אָפיצער. — די ניט קלאָרע דייטשע תשובה. — דער איבערגאַנג אין דער דייטשער אָקופּאַציע-תקופות. — בעסער טאָן, איידער פרעגן. — די ערשטע פיר פאַמיליעס קומען צוריק קיין קאָרעליטש. — די שטרענגע פאַראָרדענונג פון דער גענעראַל-קאָמאַנדע וועגן פאַרבאָט אומצוקערן זיך קיין קאָרעליטש, ליובטש, דעליאַטיטש אין נייסטאָט, וועלכע ליגן אין דער שפּער-זאָנע. — די דייטשע פאַראָרדענונגען פאַרלירן שפּעטער זייער פריערדיקע קראַפט. — די צענטראַלע מאַכט שטערט און די ערטיקע דייטשן העלפן. — די רעעוואַקואַציע וואַקסט.

דער ראַיאָן-אָפיצער האָט אונז איבערגעשיקט צום קרייז-ווירטשאַפטס-אָפיצער, לאַנגע-בעקמאַן, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ הויז לעבן דער שטעטל נייסטאָט (נעגנעוויטש). מיר האָבן אים באַזוכט אויפן צווייטן טאָג. אין אונזער אַנוועזנהייט האָט ער זיך צונויפגערעדט טעלעפאָניש מיטן שטאַב פון פאָלק, און האָט אונז געזאָגט, אַז אַן ענדגילטיקע תשובה וועלן מיר ערשט קענען באַקומען אין אַ פאָר טעג אַרום.

די תשובה איז אָנגעקומען, אָבער איר קלאָרן אינהאַלט געדענק איך ניט, ניט ווייל איך האָב געקענט פאַרגעסן אַזאַ זאַך, וואָס איז אין יענער מינוט געווען זייער וויכטיק פאַר אונז. נאָר פשוט: פון די אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשע מאַכט-פאָרשטייער און פון זייערע ניט קלאָרע רייד און ענטפערן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ביי דער צייט איז גלייכער עס גאָרניט צו פרעגן, און בעסער איז צו טאָן און שטעלן זיי פאַר אַ פאַקט. די דייטשן פון זומער 1918 זיינען שוין ניט געווען די זעלבע פון האַרבסט 1915 אָדער אַפילו פון זומער 1917. מיר, וועלכע זיינען אין משך פון עטלעכע יאָר געווען דערדריקט דורך זייער אומברחמנותדיקע, אויפן העכסטן גראַד קאָנסעקווענט-דורכגעפירטע אָקופאַציאָנס-געזעצן, וועלכע האָבן אָפגעטויט דעם גאַנצן לעבן פון ציווילן יחיד און ציווילער געזעלשאַפט, האָבן ניט געקענט קלאָר תופס זיין דעם איבערבראָך וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. מיר האָבן, אָבער, אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עס קומט פאָר אַן אָפשוואַכונג אין אַלע ריכטונגען, וועלכע מען קען אָן קיין חשש פון יעס-ווידער געפאַר פאַר די פאָלגן אויסנוצן. די פראַקטיק האָט באַשטעטיקט אונזער השערה.

אויף שבועות תרע״ט זיינען אַריינגעפאָרן אין קאָרעליטש די ערשטע פיר פאַמיליעס פון די דערפער אַרום נאָוואָגרודאָק. נאָך די ערשטע פאַמיליעס האָבן אין משך פון זומער זיך אַריינגעצויגן נייע פאַמיליעס, אַזוי, אַז צום האַרבסט 1918 האָבן זיך שוין געפונען אין קאָרעליטש איבער 30 פאַמיליעס.

אָבער נאָך דעם 31-טן מאַי 1918 האָבן מיר אויף אונזערע 4 ווענדונגען צו דער נאָוואָגרודקער קאָמענדאַנטור וועגן: 1) אַרויסגעבן בוי-האָלץ די היימלאָזע, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אין די 4 שטעטלעך; 2) אַרויסגעבן ברעטער פון דער מיליטערישער זעג-מיל ביי נאָוואָגרודאָק פאַר דעמזעלבן צוועק; 3) וועגן ערלויבן אַריבערפירן דעם בוי-מאַטעריאַל מיטן באַן (קליינבאַן) און 4) אויסשרייבן פאַר אונז די בוי-מאַטעריאַלן, וועלכע עס איז שווער צו קריגן אין נאָוואָגרודאָק

(נעגל, טאָל, גלאָז, ציגל, דאַכלקעס, בלעך א. א.), באַקומען פון דער גענעראַל - קאָמאַנדע פון אַ לאַנדווער־קאָרפּוס (דער נומער פון קאָרפּוס איז ניט געווען אָנגעגעבן) אַ מאָט־ווירטן אָפּזאָג אויף אַלע 4 פּונקטן. די הקדמה צו דעם אָפּזאָג איז געווען נאָך ערגער. עס האָט געהייסן דאָרטן:

„די אַלע אָנגערופענע שטעטלעך ליגן אין דער שפּער־זאָנע (צווישן דער 1־טער און 2־טער פּאָזיציע), וואוהין, — אויסער ווען אין אייניקע ווייניקע פאַלן צוליב באַזונדערע טעמים וועט געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם פון דער גענעראַל־קאָמאַנדע, — דער צוריקקער פון די היימלאָזע איז אינגאַנצן פאַרבאָטן.“

דערביי אָבער, האָט די ג. ק. גרויס־מוטיק מוסיף געווען, אַז זי „רעכנט ניט וועגן אַן עוואַקואירונג פון די היימלאָזע, וועלכע, ווי עס שיינט איר, האָבן זיך שוין צוריקגעקערט אין דער שפּער־זאָנע אָן אַן ערלויבעניש, ווי ווייט פאַר אַזעלכע היימלאָזע זיינען פאַראַנען וואוינונגס־מעגלעכקייטן. די יעניקע היימלאָזע, אָבער, פאַר וועלכע עס פעלן וואוינונגען, דאַרפן פון שפּער־זאָנע אַרויסגענומען ווערן און באַזעצט ווערן מערבדיק פון א־ר. אַ ווייטערער צופלוס פון נייע היימלאָזע אין דער שפּער־זאָנע איז פאַרבאָטן.“

מ׳קען פאַרשטיין, מיט וואָס אַזאַ באַפעל פון דער ג. ק. צום „מיליטער־קרייז נאָוואָגרודאָק נאָרד“ האָט געשמעקט. אפשר פאַר צוויי פאַמיליעס אין קאַרעליטש איז געווען אַ מעגלעכקייט איינצואָרדענען פאַר זיך אַ פּרימיטיווע וואוינונג אין דער איינציקער שטוב, וואָס עס איז געבליבן אין אַ בעסערן צושטאַנד פון די אַנדערע חורבות און מען האָט איר פיל ווייניק געקענט רעמאָנטירן. נאָך ערגער איז געווען די לאַגע אין ליובטש און איבערהויפּט איז לויט דער פאַראָרדענונג פון דער ג. ק. פון דעם 31־טן מאַי אָן געווען פאַרבאָטן אַריינצופאָרן נייע פאַמיליעס אין די שטעטלעך.

נאָר, ווי שוין אויבן געזאָגט, האָבן די דייטשע פאַראָרדענונגען פאַרלאָרן זייער פריערדיקע קראַפט און זיינען ניט אויסגעפירט געוואָרן אין לעבן פון די נידעריקערע באַאַמטע.

די סאָלדאַטן און אפילו די אָפיצערן זיינען געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס מענטשן באַזעצן זיך לעבן פריערדיקן פראָנט. אין דעם חרובדיקן געביט, וואו עס איז איין לעבעדיקער ציווילער מענטש ניט געווען, איז דער זייער קליינער צאָל דייטשע סאָלדאַטן און געציילטע אָפיצערן געווען שרעקלעך לאַנגווייליק און אומעטיק, בפרט, אַז ביים פראָנט איז כמעט קיין אַרבעט פאַר זיי ניט געווען. די דייטשע אַרמיי איז שוין לאַנג געשטאַנען ווייט אויף מזרח ביי אָרשע. זיי האָבן אויסער דעם אומגעוויינלעך געליטן, וואָס האָט זיי אויסגעפעלט די נייטיקסטע פּראָדוקטן (מילך, אייער, פּוטער, פליייש א. א.). זיי האָבן געהאָפט, אַז ביי אַן אויפלעבונג פון קאַנט, וועט זיי אויך גרינגער ווערן דער לעבן.

זיי האָבן טאַקע פיל מיטגעהאָלפן די היימלאָזע ביים רעמאָנטירן און בויען און ביים באַאַרבעטן דעם באָדן, איבערהויפּט נאָך, אַז עס האָט זיך געעפנט דורכדעם פאַר זיי אַ באַדייטנדער מקור פון פאַרשיידענע הכנסות. די אָפיצערן און זאָגאַר איינפאַכע סאָלדאַטן, וואו זיי האָבן ניט געהאַט קיין העכערע פון זיך, האָבן גענומען פאַרקויפן די געקומענע היימלאָזע די געהילץ און ברעטער פון די טראַנשייעס. דערביי האָבן זיי אויך מיטגעהאָלפן אין דער שווערער אַרבעט אַרויסצוקריגן דעם האָלץ־מאַטעריאַל פון אונטער די הויכע בערג אָנגעשאָטענע ערד, מאַסן שטיינער און דיקן אָנגעגאָסענעם בעטאָן. דאָס איז געווען אַן אַרבעט, וואָס האָט געפאָדערט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען, געדולד און פיזישע קראַפט. די קרעפטיקע „מיכלען“ זיינען דאָ די היימלאָזע גוט צוניץ געקומען. די שווערע אַרבעט ביים פונאַנדערנעמען די טראַנשייעס האָט אָבער גוט באַלוינט: פאַר פאַרהאַלטניסמעסיק גאָר קליינע געלט האָט מען אָפטמאָל באַקומען אַ גרויסן סכום געהילץ, ברעטער, אַמאָל אויך ציגל, צווייעקעס, אייזן, טירן, פענסטער אאַ״וו. די דייטשן האָבן אויך פאַרדונגען זייער׳ע פערד די היימלאָזע אויף צו אַרבעטן ביי די געביידעס אָדער אין פעלד. אַנדערע האָבן באַוויזן צו איינשאַפן זיך דורך זיי בוי־מאַטעריאַל פון די נאָענטע וועלדער.

אין דערזעלבער צייט, ווען די דייטשן אויף די ערטער האָבן, אַזוי צו זאָגן, געהאָלפן די היימלאָזע אין שטאָט און פעלד, האָבן מיר פון דער העכערער מאַכט גאָרניט זיך ניט געקענט דערשלאָגן.

אַלע אונזערע ווענדונגען און ביטעס זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן. אַזוי, למשל, האָט מען אונז אָפּגעזאָגט צו ערלויבן טראַנספּאָרטירן פון די נאַליבאָקער וועלדער איבערן ניעמאַן קיין ליובטש און דעליאַטיטש דעם מאַטעריאַל פון די פאַרטיקע הילצערנע געביידעס, וועלכער דער רוסישער פראָנט האָט נאָך זיך דאָרטן איבערגעלאָזן אין אַ גרויסער צאָל, און וועלכע מיר האָבן גערעכנט אָפּצוקויפן ביים אייגנטימער פון די דאָזיקע וועלדער פאַר די ליובטשער און דעליאַטיטשער היימלאָזע. אויף אונזערע ווענדונגען צום ווירטשאַפטס־אַמט וועגן ערלויבן די היימלאָזע פון קאַרעליטש צו פיטערן די פי און שניידן גראָז פון די לאַנקעס, כדי אָנצוגרייטן שפּייז אויף ווינטער פאַר די פי, אויך צו געבן די־זעלבע היימלאָזע ערד אויף צו זייען קאָרן פון די טויזנטער מאָרגן לאַנקע און פעלד פון דעם דאָרטיקן פריצישן הויף, וועלכע זיינען געלעגן ניט באַאַרבעט, פוסט און וויסט, און דערצו נאָך ווילד פאַרוואַקסן מיט מיסט־גראָז, וואָס האָט געפאָדערט אַ שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט צו ברענגען זיי אין אַזאַ מצב, אַז מען זאָל זיי קענען פאַרזייען (דערביי איז נאָך געווען זייער שווער אַראָפּצושניידן און אויפזאַמלען היי פון די אין משך פון 3 יאָרן פאַרלאָזטע לאַנקעס, דורכגעגראָבענע מיט אָקאָפּעס און בוכשטעבלעך איינגעוויקלטע אין שטעכיקן דראָט), — האָט דער ווירטשאַפטס־אַמט ניט געפונען קיין גינסטיקערן ענטפער, ווי אָנצווייזן אונז, אַז מיר זאָלן זיך ווענדן צום פאַר דעם־מלחמהדיקן אויפזעער פון דעם קאַרעליטשער הויף אין די אויבנגעבראַכטע אָנגעלעגנהייטן, באַשטימענדיק פאַר יענער צייט און די שווערע דעמאָלסטיקע פאַרהעלטענישן אַ צו הויכן אַרענדע־ און קויפפרייז (15 מאַרק פאַר 1 מאָרג פעלד צום פאַרזייען קאָרן און 15 מאַרק פאַר 1 מאָרג היי). די היי איז נאָכדעם סיי ווי סיי געגאַנגען פאַרלאָרן, ווייל דער הויף האָט עס ניט געשניטן.

מען האָט אונז אויך ניט אַרויסגעגעבן קיין רייזע־שיינען פאַר די קאָמיטעט־מיטגלידער, וועלכע האָבן געוואָלט באַזוכן אייניקע גרעסערע יידישע שטעט אין אוקראַינע און אין דעם טייל פון רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרנומען פון די דייטשן, און זאַמלען דאָרט געלט פאַר די היימלאָזע.

די צענטראַלע מאַכט האָט ניט נאָר פאַרלייכטערט, נאָר זי האָט נאָך דורך אומזיניקע פאַראָרדענונגען פאַרשווערט דעם לעבן פון די היימלאָזע. אַ קאַרעליטשער איינוואוינער, למשל, אַז ער האָט געדאַרפט גיין אָדער פאָרן קיין נאָוואָגרודאָק, האָט ער געמוזט פריער זיין ביי איין אָפיצער 6 קמ. ווייט פון קאַרעליטש און דערנאָך ביי אַ העכערן אָפיצער, וועלכער האָט זיך געפונען 10 קמ. פון דעם ערשטן, אָן אַ זייט פון דעם טראַקט קאַרעליטש—נאָוואָגרודאָק, און דאָרט האָט ער ערשט באַקומען דעם שיין. אונזער אינטערווענץ וועגן דעם האָט ניט געהאָלפן.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
UB | Frankfurt am Main
DFG

נאָר, ווי פריער געזאָגט, האָט מען זיך באַמיט אַרומגיין אַלע פּאַפּירענע גזירות און תּקנות און זעלטן ווען מען האָט באַצאָלט דערפאַר.

6.

וויטערדיקע שטיצע פון ווילנער צ. ק. — שטיצע פון ה' שטרוק. — הילף פון מינסק, פון שטעטלעך פון מינסקער, ווילנער און גראָדנער גובערניע. — די ווענדונגען צו „אגודת ישראל" און בערלינער „הילפספאַראיין" ברענגען ניט קיין רעזולטאַטן. — די קאָרעספּאָנדענץ פון קאָמיטעט.

דעם 11-טן יוני 1918 האָבן מיר באַקומען ווייטערדיקע 25.000 דייטשע מאַרק פון ווילנער צענטראַל-קאָמיטעט.

דעם 26-טן אָקטאָבער 1918 האָבן מיר באַקומען 2.000 דייטשע מאַרק פון הערמאַן שטרוק ספּעציעל אויף לערנען קינדער פון די אָרימע היימלאָזע.

דעם 2-טן דעצעמבער 1918 (אָן ערך 3 וואָכן פאַרן אָפּטרעטן פון די דייטשן און פאַרנעמען אונזער געגנט דורך די באָלשעוויקעס) האָבן מיר באַקומען פון צ. ק. די לעצטע 2.000 דייטשע מאַרק.

חוץ דעם, האָבן מיר באַקומען געלט פון אַ ריי פּערזאָנען פון מינסק (געזאַמלט דורך הרב מ. אַבאָוויטש און ג. באָקאָלטשוק) און פון אייניקע קלענערע שטעטלעך פון מינסקער גובערניע (געזאַמלט דורך ז. קליאַטשקין און מ. יאָסעלעוויטש), וואוהין מיר האָבן ספּעציעל דעלעגירט צו דעם צוועק די אָנגערופענע מיטגלידער פון אונזער קאָמיטעט.

קלענערע סומעס האָבן מיר אויך באַקומען צוגעשיקט פון 3 שטעטלעך פון ווילנער גובערניע (ראַדון, שטשוטשין און וואָראָנאָווע) און פון 1 שטעטל פון גראָדנער גובערניע (לונע).

מיר האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף וועגן אויפבויען די רעליגיעזע אַנשטאַלטן צו דער „אגודת ישראל" אין פראַנקפורט אויפן מיין. נאָר אויסער גוטע הבטחות אויף לעתיד האָבן מיר פון דאָרט גאָרנישט באַקומען.

פון די אויסלענדישע הילפס-חברות האָבן מיר זיך געווענדעט צום „הילפס-פאַראיין" אין בערלין, אָבער מיר האָבן קיין ענטפער ניט באַקומען.

דאָ מוז באַמערקט ווערן, אַז אונזער גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך געפירט אין דער דייטשער שפּראַך, און זי איז געגאַנגען דורך דער דייטשער קאָמענדאַטור, ווייל קיין פּאָטשט איז ביי אונז ביזן סאַמע אָפּטרעטן פון די דייטשן ניט געווען.

7.

די הילפס-אַרבעט פון קאָמיטעט. — די שטיצע אין די שטעטלעך.

די אייגנטלעכע הילפס-אַרבעט פון קאָמיטעט, ד. ה. פעסטשטעלן וועמען אַרויסצוגעבן שטיצעס און פאַרטיילן זיי, האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22-טן מאַי 1918. די גרעסטע שטיצע אויף צו בויען אַ שטוב איז לכתחילה באַשטימט געוואָרן אויף 200 דייטשע מ. און נאָכן דעם אויף 300 מ. אַרויסצוגעבן אין 2 ראַטעס. אויף צו אַרבעטן פעלד אָדער זייען אַ גאָרטן 40 מ. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן שטיצעס אויך אויף איינצוקויפן פערד און בהמות, אויף אַיינצושאַפן לאַנדווירטש.-מכשירים אָדער מלאכה-געצייג, אויף צו באַצאָלן די מלמדים פאַר לערנען די קינדער אין די שטעטלעך, אויף רעמאָנט פון מנינים און בעדער און אויך אויף אַנדערע שטאָטישע הצטרכותן. באַדייטנדע סומען האָבן אויך געמוזט אויסגעגעבן ווערן אויף אינדיווידועלע שטיצע סיי פאַר די אָרימערע היימלאָזע אין די שטעטלעך און סיי אין נאָוואָגרודאָק זעלבסט, אויך אויף מעדיצינישע הילף. די לעצטע 20.000 מ. פון צ. ק., וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן אָנהויב ווינטער, פאַרן סאַמע אָנקומען פון די באָלשעוויקעס, זיינען צוזאַמען מיט די רעשטן פון די פריערדיקע געלטער אויסשליסלעך אויסגעגעבן געוואָרן אויף די 2 לעצטע מינים הילף אין משך פון דעם שרעקלעכן ווינטער און אָנהויב פרילינג פון יאָר 1919, ביז וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען שטיצע פון „יעקאָפּאָ" פון ווילנע.

די שטיצע אין די שטעטלעך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אָן אָרט דורך די באַפולמעכטיקטע פאַר יעדער שטעטל, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען שטענדיק, אָדער האָבן פון צייט צו צייט באַזוכט זייער שטעטל.

8.

די לעבנס-באַדינגונגען פון די ערשטע בונים. — דער פרילינג 1919. — אַ נייער פראָגנס.

די לעבנס-באַדינגונגען פון די ערשטע פּיאָנערן פאַמיליעס אין די שטעטלעך זיינען געווען שרעקלעך. די וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די טראַנשייעס זיינען געווען די גליקלעכסטע. די איבעריקע האָבן זיך ווי עס איז געמוזט איינאָרדענען אין שטאַלן אָדער אין חורבות פון די הייזער. איך באַריר ווייטער מכּח קאַרעליטש, ווייל די שטעטל האָב איך איינציקע מאָל באַזוכט אין משך פון ערשטן זומער און ווינטער. אין די איבעריקע שטעטלעך בין איך געווען ניט מער ווי צו איין מאָל. אין לובטש, גלויב איך, איז געווען ניט בעסער פון קאַרעליטש און געווי"ס אפשר נאָך ערגער, ווייל דאָרטן זיינען געבליבן ווייניקער חורבות, וועלכע האָבן דאָך געגעבן אַ וואָסערע עס איז שיצונג פון רעגן און קעלט.

אין קאַרעליטש איז דעמאָלט געווען איין איינציקע שטוב מיט פענסטער און טירן. די שטוב האָט געדינט אַלס זאַמל-פונקט פאַר אַלע היימלאָזע. עס זיינען געווען איינער אָדער צוויי באַק-אויוונס. צוליב דעם, און אויך ווייל די גאַנצע געגנט אַרום איז געווען אַבסאָלוט מענטשן-לעער און עס איז ניט געווען, וואו צו קריגן כאָטש איין תּבואה-קערנדל, איז ברויט געווען אַ יקר-המציאות, אַ זעלטענער מאכל. די דירות זיינען געווען חורבות, אָן סופיט און דיל, אָן טיר און פענסטער, און אָפטמאָל אויך אָן אַ דאַך. און ביי דער אַלגעמיינער אָרימקייט און מאַנגל אין קליידער און וועש, איז די סאַניטאַרע לאַגע געווען אַ שרעקלעכע. מענטשן האָבן געגאַרט אַראָפּצוּוואַשן פון זיך די שמוץ, און עס איז ניט געווען ווי אַזוי — די באָד איז אויך געווען חרוב. צו דעם איז צוגעקומען די עלנטקייט און אומעט פון אַ הייפל מענטשן, פאַרוואָרפענע אין אַ מדבר, אין וועלכן אויף כמעט 15 קמ. אַרום און אַרום איז קיין לעבעדיקער נפש ניט געווען. איבערהויפּט זיינען געווען שרעקלעך די נעכט. פון אַלע זייטן טאַרשן אַרויס פון דער פינסטער, אַזוי ווי אויסגעשפּרייטע הענט פון ניט געוועזענע געשפּענסטער, באַלקנס, שטיקער דעכער, קוימענס פון די גאַנץ אָדער האַלב צעשטערטע הייזער און מויערן. דער הויכער גראָז און די יונגע ביימלעך שאַפן אין דעם חושך אַן איינדרוק פון אַ פינסטערן וואַלד, אין וועלכן פון צייט צו צייט שרייען זיך דורך ווילדע פייגלען. פון די ליידיקע בתּי-מדרשים דערטראָגן זיך אָן אָן אויפהער די אימהדיקע אויסרופן פון די סאָוועס... אין די פילע גריבער און אָקאָפּעס אַרום שטעטל האָבן זיך פאַרפירט וועלף, וועלכע פלעגן אין די ווינטערדיקע נעכט באַזוכן די שטעטל, און האָבן אָוועקגעטראָגן ניט איין ציג פון אַן אָרימען יידן... ווי נאָר אָוונט פלעגט זיך יעדערער פאַררוקן אין זיין נאָרע, אָפטמאָל ניט האָבנדיק אַפילו מיט וואָס צו באַלייכטן זי.

ביי ווינטער זיינען ווייניק הייזער רעמאָנטירט געוואָרן. און אויך די רע-

DFG

מאַנסטירסטע הייזער האָבן ניט געהאַט קיין דובלטן, קיין אייוועלעך און אָפּטמאָל אויך דילן. אומעטום איז ווינטער געווען אַ שרעקלעכע קעלט. די אַנטיסאַניטאַרע באַדינגונגען פון לעבן האָבן זיך ווינטער נאָך מער געלאָזט פילן, ווי זומער. עס האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קראַנקייטן, און קיין מעדיצינישע הילף איז אַבסאָלוט ניט געווען. ס'פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן אויך ניט אויסגעפעלט קיין מענטשלעכע קרבנות.

דער פרילינג 1919 האָט געבראַכט די אַלע צרות פון אַ נייעם פראָנט. די באָלשעוויסטישע קוילן פלעגן אַמאָל דערגרייכן אַזש ביז אין שטעטל. אויסערדעם, האָט מען געמוזט לעבן און זיין באַגרעניצט אין די באַוועגונגען, וואָס עס איז שטענדיק פאַרבונדן מיט דער נאָענטקייט פון פראָנט. די קליינע באַפעלקערונג האָט אויך געמוזט אויסטראָגן אויף אירע שוואַכע פּלייצעס פיל אַנדערע לאַסטן פון אַן אָרט, וועלכער געפינט זיך אין געביט פון מלחמה-אָפּעראַציעס.

9.

דער הונגער אין די באָלשעוויסטישע צייטן. — דער שווערער זומער 1919. — די ערשטע הילף פון „יעקאָפּאָ“. — די טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ“ פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער און מער. — „יעקאָפּאָ“ בויט אויף די שטעטלעך.

דער ווינטער און פרילינג פון יאָר 1919 זיינען איבערהויפּט געווען די שווערסטע פון דער גאַנצער מלחמה-צייט. דער באָלשעוויסטישער רעזשים, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט אין אָנהייב פון 1919 האָט מיטגעבראַכט אַ שרעקלעכן הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט. מענטשן זיינען דעם ווינטער און פרילינג אַרומגעגאַנגען געשוואָלענע, מיט ווייסע אָנגעבלאָזענע געזיכטן און בייטלעך אונטער די אויגן. מען האָט בחוש געזען, ווי מען גייט אויס פון הונגער. איבערהויפּט איז דאָס געווען צו באַמערקן ביי די, וואָס האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזן צו דער נידעריקסטער שטופע און זיינען געגאַנגען איבער די הייזער בעטן אַ שטיקל ברויט. היינט זעט איר אַ מענטשן כמעט נאָך אַ מונטערן, אין אַ וואָך אַרום איז שוין קוים, וואָס ער שלעפּט די פיס און זיין געזיכט באַווייזט שוין בולט די סימנים פון הונגער, און אויף דער דריטער-פערטער וואָך זעט איר אים שוין מער ניט, און איר דערוויסט זיך פון די איבעריקע זיינס גלייכן, אַז ער איז שוין אויף אַ בעסערער וועלט...

און אָט אין דער שווערער צייט, אָנהייב זומער 1919, הייבט זיך אָן ביי אונז אין געגנט די טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ“. פון איר אייגענער איניציאַטיוו, ניט האָבנדיק פון אונז נאָך קיינע ידיעות, נאָר דערוויסנדיק זיך וועגן אונזער שווערער לאַגע, שיקט זי אונז, איבערלאָזנדיק אין לידע פאַר אונז (די קאָמוניקאַציע מיט נאָוואָגרודאָק איז דאַן געווען זייער שווער) אַ סומע פון 10.000 מ. מיר דערוויסן זיך דאַן, אַז אין ווילנע אַרבעט אַ יידישער הילפס-קאָמיטעט אונטער אַזאַ מאָדנעם נאָמען. נאָוואָגרודאָק (שטאָט און ראַיאָן) שיקן צו דעם קאָמיטעט 2 זייערע פאַרשטייער, הרב מ. אַבאָוויטש און מיר. מיר קומען אין באַרירונג מיט מענטשן אויפן העכסטן גראַד מיטפילנדע, מיט אַ גרויסער פאַרשטענדעניש פאַר זייערע אויפגאַבן. מען נעמט אונז אויף זייער פריינדלעך און אויפמערקזאַם, מען הערט גענוי אויס אונזערע אינפאָרמאַציעס וועגן נאָוואָגרודאָק און ראַיאָן און מען דערליידיקט אונז שנעל, אָן איבעריקע פאָרמאַליטעטן און שוועריקייטן, הגם „יעקאָפּאָ“ האָט דאַן נאָך ניט געהאַט קיין געלט פאַר אונזער ראַיאָן.

צום אָנהייב פון דער „יעקאָפּאָ“-אַרבעט אין אונזער געגנט האָט זיך איר גאַנצע טעטיקייט קאָנצענטרירט אויף דער איינציקער לעבנס-פראַגע: ברויט פאַר די הונגעריקע און מעדיצינישע הילף פאַר די קראַנקע. נאָר באַלד ווייזט זיך אַרויס דער טיפער חוש און גרויסע פאַרשטענדעניש פון די אָנפירער פון „יעקאָפּאָ“ פאַר אַלע וויכטיקע הצטרכותן פון אַ יידישן קיבוץ, פאַר די פראַגן פון קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, און עס ווערט ביסלעכווייז בולט די טענדענץ פון פּראָדוקטיוויטעט און אויפבויאונגס-אַרבעט. מיר הייבן אָן צו באַקומען צוגלייך מיט די געלט-סומען אויף דערנערונג, פאָלקס-קיך און מעדיציניש הילף, אויך סומען אויף אַ שול פאַר קינדער, ביבליאָטעק, אויף אַ ליי- און שפּאָר-קאַסע, נאָכדעם אויך אויף האָלץ צום בויען. צום ערשטן זיינען די סומען נאָך ניט באַדייטנד. נאָר שנעל וואַקסט דער פאַרנעם פון דער „יעקאָפּאָ“-אַרבעט, און גלייכצייטיק ענדערט זיך אויך איר באַדייטונג, כאַראַקטער און פאָרם. „יעקאָפּאָ“ אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע אויפבויאונגס-אַרבעט. אַלס פּועל-יוצא פון דער אַרבעט אין אונזער געגנט — זיינען די פון חורבות אויסגעבויטע שיינע שטעטלעך, וואו הונדערטער, פריער פאַרוואָגלטע און ליידנדע יידישע פאַמיליעס מאַכן אַ בכבודיקן לעבן; וואו עס אימפּולסירטע אַ שטאַרקער, געזונטער געזעלשאַפטלעכער לעבן, וועלכער איז קאָנצענטרירט אין די לעבנס-פעאיקע פאָלקס-בענק, ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע פאַראיינען און אויפן ערשטן אָרט אין די זיך אַנטוויקלענדע און זיך שטאַרקנדע פאָלקס-שולן, פאַר וועלכע „יעקאָפּאָ“ האָט אויפגעשטעלט ספּעציעלע שיינע גרויסע בנינים. מיט דעם לעצטן אַקט האָט זיך גליקלעך פאַרענדיקט און פאַרפולקאָמט אַ פאַרדינסטפולע, גרויסע אַרבעט, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“.

ביים פאַרענדיקן פון מיינע ווערטער גייען מיר, אָבער, ווידער אַרויף אויפן זכרון אונזערע „פּיאָנערן“, וועלכע האָבן מיט זייערע ליידן, שווערער אַרבעט, שווייס און בלוט מעגלעך געמאַכט, אַז ווייטערע היימלאָזע, גליקלעכערע פון זיי און מער נעשטיצטע, זאָלן קענען קומען פאַרזעצן די אַרבעט פון אויפבויען די אַלטע היימען.

שלום כהן.

נאָוועמבער, 1924.

נאָוואָ-סווענציאַן אין די יאָרן 1915—1925.

פאַר די יאָרן 1915—1925 איז נאָוואָ-(ניי-) סווענציאַן (באַזונדערס די טעטיקע, געזעלשאַפטלעך-באַוואוסטזיניקערע עלעמענטן אירע) געשטאַנען אונטערן צייכן פון אַן אַקטיוון אָנטייל סיי אין דער ריין-לאָקאַלער, סיי אין דער וויכטיקער יידישער אַרבעט פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, דער עיקר בעת די גירוש- און רעעמיגראַציע-יאָרן.

אפשר, האָט דאָ אַ סך מיטגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס ניי-סווענציאַן איז געלעגן ביי דער גרענעץ פון קאָוונער געגנט, אין אייזנבאַן-קנופּ פון דער קליינבאַן פאָניעוועזש-גלובאָקע און פון מאַגיסטראַל פּעטראָגראַד—וואַרשע, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע — אין נאָענטקייט פון דער מלחמה-זאָנע אַלס ערשטער עטאַפּן-פּונקט; שפּעטער, אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט און לעצטנס אין פּוילן — נאָענט צו דער ליטווישער, לעטישער און טיילווייז רוסישער גרענעץ.

1.

ערב שבועות 1915. עס הערן זיך ניט קיין „פריילעכע“ גערוסן: די רוסישע חילות ליידן מפּלות נאָך מפּלות. צו די יסורים, וואָס ס'קומט אויס אויסצושטיין יחידים אַלס ערבות-לייט און צו דער געפאַר דערשאָסן צו ווערן צוליב מסירות,

טרעפט אַלעמען, ווי אַ דונער: „מען טרייבט“.

אויפן האַרצן איז ניט גוט. דאָך דאַרף מען פאָרן אַהיים אויף יום־טוב. ווילנע קאָכט. עס שלעפן זיך איבער די גאַסן מענטשן... האַרצרייסנדיקע סצענעס שפילן זיך אָפּ אויפן וואָקזאַל... עס שטייט אַ פאַרוואונדעטער יידישער זעלנער מיט אַ געאָרג־צלם פאַר העלדישקייט, האַלט מיט דער לינקער האַנט אַרומגענומען זיין פאָטער (די רעכטע פאַרוואונדעט) און וויינט... אויף די רעלסן שטייען לאַנגע צוגן, פולגעפאַקטע מיט מענטשן — מען שיקט אַרויס, מען געטרויט ניט.

אָנגעקומען אין ניי־סווענציאַן. עס איז ערב יום־טוב. יידן זיינען פאַרזאָרגט: „ווער וויס, אפשר, זיינען מיר אויך ניט זיכערן?“ און טאַקע באַלד דערטראָגן זיך קלאַנגען, אַז ביינאַכט דאַרף אָנקומען אַ קליינבאַן פון פאָניעוועזש מיט אַרויסגעשיקטע. מען גייט צו דער באַן, מען גרייט צו הייזער זיי אויפצונעמען, מען באַזאָרגט עסנוואַרג. יעדער גיט אָפּ דאָס לעצטע, טראַכט ניט וועגן יום־טוב. עס בילדעט זיך אַ קאָמיטעט, וועלכער אַרבעט טאָג און נאַכט. ער נעמט אויף די אַרויסגעטריבענע, באַזאָרגט זיי מיט דירות און עסן, זייער צאָל וואַקסט. און דאָס שטעטל שפירט, אַז עס וועט ניט קענען אַליין דורכטראָגן. מען ווענדעט זיך גלייך קיין ווילנע. עס קומען פאַרשטייער, מען באַקומט שטיצע — און ניי־סווענציאַן ווערט אַ צענטראַל־פונקט פון די אַרויסגעטריבענע. דאָס גאַנצע שטעטל, אַלט און יונג, איז פאַרטאָן: מען נעמט אויף די ליידנדיקע ברידער און שוועסטער.

ביסלעכווייז ווערט די אַרבעט איבערגענומען דורכן ווילנער־פעטראָגראַדער קאָמיטעט — און די שטעטלשע, אויסער אייניקע, שטייען שוין אָן אַ זייט. מען באַזאָרגט די היימלאָזע, מען שיקט זיי אָפּ קיין רוסלאַנד. ווען איך דערמאָן זיך אָבער היינט וועגן קאָמיטעט, בלייבט עפעס אַ בייגעשמאַק, הגם מען קען ניט פאַרלייקענען די גרויסע אַרבעט, וואָס איז דורך אים אָפּגעטאָן געוואָרן. מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען צוצוזען, ווי די „קאָמיטעטשיקעס“ האָבן געאַרבעט. אַ פרעמדע סביבה — „זיי“, די אינטעליגענטן, ריידן אויף רוסיש, און די מאַסע, נעבעך, מוז אויסשטיין און „ברעכן די ציינער“. דאָס האָט געשאַפן אַ קאַלטע באַציאונג, אַ פרעמדקייט, אָפּגעזונדערטקייט. דער גרויסער טומל פון אַרומפאָרן מיט די פערד הין און צוריק, פון „Шумимъ“, האָט געווירקט אָפּשטויסנדיק. די נערוועזקייט האָט זיך איבערגעגעבן דעם שטעטל גופא, און אַלע זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם.

2.

סוף 1915 ווערט דאָס שטעטל פאַרנומען דורך די דייטשע חילות. ביסלעכווייז הויבן אָן אָנצוקומען די פאַרבליבענע אין דעם אַרום. עס קלייבט זיך צונויף אַ קליינער ישוב פון יונגעלייט, עטלעכע זקנים און זייער ווייניק פרויען. ניי־סווענציאַן ווערט אַ פונקט פון דורכגייענדיקן מיליטער. און ווי אומעטום, הויבן אויך דאָ אָן בליען די „טיי־ און קאַפע־הייזער“. מען פאַרדינט געלט. אַמאָליקע אָרימעלייט ווערן גבירים. ווער רעדט עסן, איז דאָ לרוב: עס איז פאַרבליבן פון די רוסן, די דייטשן ברענגען, עס לאָזן איבער די פאַר הפקר־דיקע איבערגאַנגס־טעג. ניי־סווענציאַן איז ניט ווייט פון דער מלחמה־זאָנע, און עס קומען צו ביסלעכווייז יידן, קריסטן פון די ערטער, וואָס זיינען פאַרנומען דורך דער דייטשער מיליטער.

צווישן ניי־סווענציאַן און פאָדבראָדז איז פאַראַן אַ מיליטערישער לאַגער מיטן נאָמען „פאָליגאָן“. די דייטשן פאַרוואַנדלען עס אין אַן אויפהאַלט־אָרט פאַר די היימלאָזע און אַרויסגעטריבענע פון די מלחמה־פעלדער. די מערהייט זיינען קריסטן פון די חרוב־געוואָרענע דערפער. עס געפינען זיך דאָ אויך עטלעכע און צוואַנציק יידישע משפחות. זיי זיינען פאַרשפאַרט אויפן שטח פון לאַגער און טאָרן זיך ניט באַוועגן אין די אַרומיקע שטעטלעך. עס דערגייען צו אונז קלאַנגען, אַז אין פאָליגאָן זיינען דאָ יידן, וועלכע ליידן הונגער, עסן גראָז. דער איינציקער אָרט, וואו מען פלעגט זיך ביי אונז צוזאַמענקומען, איז געווען דער איבערגעבליבענער בית־המדרש (צוויי האָבן די דייטשן פאַרנומען פאַר מיליטער). שבת, ביים לייענען, מאַכט מען אַ טומל, ווי דער שטייגער איז: „שטעטל, יידן הונגערן, און מען דאַרף זיי העלפן! עס זיינען דאָ אַלטע און קראַנקע, וועלכע ליידן“.

אויף אַזאַ אופן גרינדעט מען אַ קאָמיטעט. אין אים, ווי דער שטייגער איז, ווערן אויסגעקליבן חשובע און עלטערע. די יוגנט פון שטעטל ווילט זיך אויך זיין פאַרטראַטן אין קאָמיטעט און איך, דער יינגסטער, מוז אויך זיין אַ מיטגליד. מען טרעט גלייך צו צו דער אַרבעט, מען קלייבט צונויף געלט און מען קויפט 3 פורן מעל. דריי פאָרשטייער פון קאָמיטעט פאָרן דעם ערשטן מאָל זיך באַקענען מיט דער לאַגע אויפן אָרט. מיר גייען און מען שמועסט וועגן דעם ניט לאַנג־איבערגעלעבטן. דער אַפּטייקער, ה' טורגעל, דערציילט, ווי מען האָט באַשאָסן דעם צוג, וואו ער איז געפאָרן. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ געשריי: „הענדע אַאויף!“ און אַ גרויסער רעוואָלווער גיט אַ גלאַנץ פאַר אונזערע אויגן. פאַר שרעק פאַלט אַרויס פון טורגעלס הענט דער שטעקן — און מיר שטייען אַלע מיט אויפגעהויבענע הענט. דער דייטשער אָפיציר שרייט: „איר פאַרפלוכטע יידן, וואָס פירט איר דאָ?“ מיר זאָגן, אַז מיר פירן מעל צו פאַרטיילן צווישן די היימלאָזע. אָבער ער טענהט, אַז אים גייט עס ניט אָן, אַז מיר ערמאָרדן גאָר דייטשע סאָלדאַטן. אונזער שרעק ווערט נאָך גרעסער. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָ ניט ווייט ליגט אַ טויטער סאָלדאַט. מיר פרובירן זיך אויסטענהנען אויפן יידישן לשון, און ער זוכט ביי אונז וואָפן. דערנאָך זאָגט ער אונז אָן, אַז מיר, די „שמוגליאַרעס“, זאָלן אַקאָרשט ניט פאַרקויפן די מעל, און מיט די ווערטער: „פאָרט, אָבער איר זאָלט ניט ערמאָרדן אַ דייטשן סאָלדאַט! יאָ, דאַנקע שוין!“ איז ער אַוועק זיין וועג.

מיר זיינען געקומען אין פאָליגאָן, צונויפגערופן אַלעמען, זיך דורכגערעדט וועגן זייער לאַגע, פאַרטיילט זיי די מעל און געלט און זיך אומגעקערט אַהיים. קומענדיק, האָבן מיר געמאַכט אַ זיצונג פון קאָמיטעט, און עס ווערט באַשלאָסן, זיך צונויפצוריידן מיט די אַרומיקע שטעטלעך, ווייל די שטיצע פאַרן פאָליגאָן מוז זיין אַ לאַנגדויערנדיקע און אַ סיסטעמאַטישע. מיר אָרדענען איין אַ צוזאַמענפאָר פון סווענציאַנער, קאָלטיניאַנער און ליגמיאַנער פאָרשטייער. פון סווענציאַן באַטייליקן זיך הרב מאיראָוויטש (איצט אין נאָוואָגרודאָק) און ברומבערג (דערשאָסן געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס), פון קאָלטיניאַן — הרב כהנמאַן (איצט אין פאָניעוועזש) און גרשון רודניצקי. עס שטייט די פראַגע, וואָס צו טאָן, כדי די אומגליקלעכע אַרויסצונעמען פון פאָליגאָן, ווייל ווינטער איז אוממעגלעך דאָרט צו זיין. עס ווערט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער מאַכט וועגן ערלויבן אַריבערפירן זיי אין קאָוונער געגנט. ביז וואָס־ווען פלעגט יעדע וואָך אָפּגעפירט ווערן צו פאַרטיילן מעל פון קאָמיטעט. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צוצוזען מערדערלעכע באַציאונגען פון די דייטשע סאָלדאַטן צו די פאַרשלאָסענע. די דייטשע מאַכט פלעגט יעדן געבן אַ פאַיאָק און דערפאַר געצוואונגען גיין אַרבעטן

דער קאָמיטעט באַקומט שטיצע, אויסער די אָרומיקע שטעטלעך, אויך פון יידיש-דייטשן הילפס-פאַראיין דורך דעם פעלד-ראַבינער לעווי. עס קומט אויך-צו אַרבעט: די היידוצישקער יידן ווערן אַרויסגעשיקט אין קאָוונער געגנט. די שטימונג איז אַ שלעכטע. אין שטעטל גופא הויבן זיך אויך אָן צו שפּירן אַלץ מער און מער די פויסט פון די דייטשע באַפרייער. מען רעקווירירט, מען טרייבט אַרויס די ציווילע באַפעלקערונג פון די הייזער, מען שאַפט אַ תּחום-המושב, עס הויבט זיך אָן די צוואַנגס-אַרבעט. הונגער און נויט שוועבט איבער אַלעמענס קעפּ. גראָד פאָרט דורך ראַבינער לעווי. מיר לאַדן אים איין אויף אַ זיצונג פון אונזער קאָמיטעט. מען רעדט, מען קרעכצט און מען האָט מורא צו זאָגן דעם אמת, ווייל ראַבינער לעווי איז געווען מער דייטש, ווי ייד. איך קען זיך אָבער ניט באַהערשן און הויב אָן ריידן, ניט באַראַטנדיק זיך פריער מיט קיינעם. איך שילדער די גאַנצע אָנגעווייטיקטע לאַגע, און ביטערע ווערטער שיטן זיך אויסן אַדרעס פון די דייטשן. ראַבינער לעווי ענטפערט: „מיין קינד, זיי זיינען יונג. ערשטנס זאָלן זיי דאָס ניט ריידן פאַר אַ צווייטן, ווייל זיי קענען ווערן אַרעסטירט, צווייטנס, עס איז טאַקע שלעכט, און די יידן וועלן אין דער מלחמה ליידן מערער פון אַלעמען, מוז מען ליידן״.

פון די אַלע צוזאָגענישן וועגן די פּאָליגאָנער איז גאָרניט ניט געוואָרן, און מיר באַשליסן צוזאַמען מיט קאַלטיניאַן אַרויסצוגעבן ביסלעכווייז די היימלאָזע פון לאַגער.

אין זיינער צייט האָט אין קאַלטיניאַן געהאַט זיין זיץ-אָרט אַ דייטשער אָפיציר, וואָס פלעגט אָנפירן מיטן אויסהאַקן די אָרומיקע וועלדער. ער איז געווען אַן אָנשטענדיקער און גוטער מענטש. דער רב איז געווען מיט אים אין פריינדלעכע באַציאונגען. אויסערדעם איז ת׳ רודניצקי געווען מיט אים פאַרבונדן געשעפטלעך. דער רב האָט דאָס אויסגענוצט און האָט געראַטעוועט טויזנטער מענטשן. אין ווילנע האָט געהערשט אַ הונגער, און אין קאָוונער געגנט איז געווען אַ סך תּבואה. אַרויספירן האָט מען אָבער ניט געטאָרט. פלעגן מענטשן פון ווילנע גיין אַהין צופוס דורך ניי-סווענציאַן. אויסערדעם זיינען דאָרט געווען ליידיקע דירות, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון די אַרויסגעטריבענע דורך די רוסן. דער רב פון קאַלטיניאַן פלעגט די יידן, ווי אויך די קריסטן, אָפּשיקן מיט דער קליינבאַן אין פּאָניעוועזש אויף „שיינען״ פון דייטשן אָפיציר. אין דעם איז באַשטאַנען אונזער פּלאַן. אַזוי ווי מיר פלעגן אָפט פאָרן אין לאַגער און די וואַך האָט אונז געקענט, פלעגן מיר צוריקפאָרנדיק יעדן מאָל מיטנעמען מיט זיך אַ ביסל אָרעמקייט אויפן וואָגן און ברענגען אין ניי-סווענציאַן. די מענטשן פלעגן שוין דערנאָך קומען אַליין צופוס. אַזוי האָבן מיר ביסלעכווייז אַרויסגעצויגן עטלעכע פאַמיליעס. די דייטשן האָבן זיך אָבער דערוואוסט דערפון, און מיר האָבן באַשלאָסן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיי דאָך אַרויסצונעמען. מען האָט אָנגעזאָגט אַלע די, וואָס געפינען זיך אין פּאָליגאָן, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין אין די וועלדער, און מיר וועלן אונטערקומען מיט פורן. כ׳וועל אויף מיין לעבן ניט פאַרגעסן דעם בילד: דאָס רוב זיינען עס ווייבער מיט קינדער, זיי שלעפּן זיך מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, אַ כמאַרנער טאָג, ס׳טריפט אַ רעגנדל — און דערמאָנט האָבן מיר זיך מצרים... ראַבינאָוויטש, וואָס איז מיטגעפאָרן צוזאַמען מיט מיר פון קאָמיטעט, האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, מען האָט צונויפגעקליבן אַלעמען, געבראַכט אין שטעטל, געגעבן אָפּעסן און אויף ניין אָפּגעשיקט אין קאַלטיניאַן. אַדאַנק דער גרויסער מיטהילף פון קאַלטיניאַן האָבן מיר געקענט אויספירן אונזער אַרבעט.

דערמיט זיינען נאָך ניט אויסגעטריקנט געוואָרן די בעכערס פון פּיין אין פּאָליגאָן. אַזוי ווי אין ווילנע, ווי בכלל אין די שטעט פון דורך די דייטשן אָקופּירטע געביטן, האָט מען געהונגערט, איז געוואָרן, ווייזט אויס, אַ געשריי. עס זיינען אָראָפּגעקומען דעפּוטאַטן אָדער סתּם פאָרשטייער פון אַמעריקע: כּדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק, כּדי צו פאַרווישן די פלעקן, האָבן די דייטשן צונויפגענומען „די שנאָרער״, ד. ה. די אָרימע און די הונגעריקע און געבראַכט זיי אין פּאָליגאָן, אַרומגעצאַמט דעם לאַגער מיט דראָט און געהאַלטן זיי פאַרשפּאַרט. האַרצרייסנדיק און שוידערלעך איז געווען צוצוקוקן, ווי די אָרומגעשלאָסענע וואַרפן זיך ווי ווילדע חיות אויפן דראָט, ווען מען גיט זיי וואָס ניט איז צום עסן. די דייטשן האָבן אָבער זייערס דערגרייכט. ביסלעכווייז זיינען די „נעפּאָגעגע״ אויסגעשטאָרבן — און אַן אָנדענקונג איז פאַרבליבן אויף די בית-עולמס פון פּאַדבראָדז און ניי-סווענציאַן. צוויי לעבן-געבליבענע יתומים זיינען מיט אַ צייט שפּעטער צוגענומען געוואָרן פון ניי-סווענציאַן אין יתומים-אינטערנאַט ביי „יעקאָפּאָ״.

פאַר דער צייט ווערט אונזער קאָמיטעט אייניקע מאָל איבערגעקליבן. עס בייטן זיך די מענטשן, אָבער די אַרבעט ווערט געטאָן. עס פאַרברייטערט זיך פאַר דער צייט די קאָמפּעטענץ פון קאָמיטעט: ער ווערט אַ מין יידישע רעפּרעזענטאַנץ לגבי דער מאַכט און ערלעדיקט אין דער הינזיכט פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן.

3

צווישן אַלע אַנדערע גזירות קומט אויך אָן אַ באַפעל צו גרינדן אַ דייטשע שול פאַר יידישע קינדער. עס קלייבן זיך צונויף די חשובע באַלעבאַטים אויפן הויף פון דייטשן אַמטס-פאָרשטייער (מ׳האָט זיי געשיקט רופן), הערן אויס פון שול-אינספּעקטאָר די פאַראָרדענונג, און עס ווערט „געגרינדעט״ אַ שול-קאָמיטעט, וואָס זאָל זאָרגן פאַר דער שול. אַזוי ווי דער ייד פון אַ גאַנץ-יאָר איז געווען געוויינט פון פריער, אַז אַ פאָלקס-שול דאַרף זיין אַ מלוכהשע, זיינען די צונויפגעקליבענע געווען מסכּים. נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל, פּשוט געציילטע פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט פאַר זיך ווילנע מיט די יידישע פאָלקס-שולן, און אַנדערע, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט די פאָדערונגען פון די יידישע מאַסן וועגן אַ שול אין דער אייגענער שפּראַך, איז גלייך פון אָנהויב די דייטשע שול ניט געווען צום האַרצן. דאָך הויבט זיך אָן אַן אַרבעט, מען פאַרבעט לערער: איינעם, וואָס האָט געענדיקט פּהנס גימנאַזיע, אַ היימלאָזן פון פּאָסטאַוו, שאַפּיראָ, אויף דייטש און אַלגעמיינע לימודים און דעם רב, וועלכער האָט געלערנט מיט די קינדער „רעליגיאָן״. די לימודים גייען. די קינדער לערנען דעם ריכטיקן פּתח-דייטש, זינגען דייטשע לידער, באַזוכן די שול שבת און זונטאָג ניט.

ביסלעכווייז ווערט אָבער געפירט דורך די עטלעכע פּערזאָנען אַן אַגיטאַציע קעגן דער שול, פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען שווער צו ריידן גלייך פון אָנהויב וועגן אַ מאָדערנער פאָלקס-שול מיט דער יידישער אונטערריכטס-שפּראַך. אויסנוצנדיק אָבער דאָס, וואָס די קינדער באַזוכן שבת די שול און דער רב איז דאָרטן אַ לערער, בין איך אַ שבת, נאָכן לייענען, אַרויף אויף דער בימה, גערעדט וועגן דער רוסישער שול פאַר יידישע קינדער, פאַרגליכן זי מיט דער איצטיקער און אָנווייזנדיק, אַז שבת פלעגט מען דעמאָלט ניט לערנען און דאָ לערנט מען יע, אויסגעפאָדערט ניט לאָזן גיין אַלס דעמאָנסטראַציע די קינדער אום שבת. עס איז געוואָרן

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB
DFG

אַ געוואַלטיקער טומל. דער רב האָט זיך געפונען געטראָפן מיט די רייד און האָט געשריגן, אַז ער וועט ניט שענקען. אַ פרומער שטעטלשער ייד האָט אָבער דערוויל גאָר אָנגעטאָן אַ שלאָס אויף דער שול און אויף אַזאַ אופן האָבן די קינדער די שול יענעם שבת ניט באַזוכט — און דער ערשטער שטיין איז געוואָרפן געוואָרן. דעם אמת זאָגנדיק, האָט מיר נאָכדעם די מעשה געשראָקן, ווייל די דייטשן האָבן זיך ווייניק גערעכנט אין אַזעלכע פאַלן און פלעגן תיכף אַרויסשיקן. די מעשה איז דערגאַנגען אַפילו צום אינספעקטאָר, וועלכער האָט אָבער גלייך נאָכגעגעבן וועגן ניט לערנען שבת. אַזוי ווי דער רב האָט אין שטעטל געהאַט זייער ווייניק סימפאַטיקער, האָט זיך ביסלעכווייז אַרום די פראָטעסטירער קאָנצענטרירט די גאַנצע יוגנט און די באַלעבאַטישע אינטעליגענץ. דער אָנגריף איז געפירט געוואָרן צוערשט קעגן רב. דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג, איינגעלאַדן דעם אינספעקטאָר און אַרויסגעשטעלט די פאָדערונגען, אַז מען זאָל באַזייטיקן פון שול דעם רב. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דאָס געפועלט.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ שווערע אַרבעט. מ'פאַרלאַנגט צו ברענגען אַ יידישן לערער, מ'זאָל לערנען יידישע לימודים, מען זאָל אונטערריכטן אין יידיש לויט הינדענבורגס באַפעל, ווי די ווייסרוסן און ליטווינער. אָבער דאָס לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט דורכפירן, ווייל די עלטערן האָבן זיך ביים אָנהויב אונטערגעשריבן אויף אַ דייטשע שול. עס קומט אונדז צוהילף מיט אינטערווענצן ווילנע, די ה"ה ד"ר צ. שאַבאַד און ב. פלודערמאַכער.

מיר פירן אונטערהאַנדלונגען מיט לערער, מיר האַלטן אָפ באַראַטונגען מיטן שטעטלשן קאָמיטעט. די עלטערע שטעלן זיך קעגן. מען האָט מורא פאַרן „חדר“. ניט קוקנדיק דערויף פירט מען די אַרבעט ווייטער. מיר שטעלן זיך אָפ אויפן לערער העלערשטיין, וועלכער איז גראָד געווען באַזייטיקט דורך דער מאַכט פאַר זיין ניט פשרקייט. איך, זייענדיק אַ יידישיסט, בין דאָך מסכים געווען אויף העלערשטיינען, דעם ציוניסט-העבראַאיסט, ווייל כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אויף דעם וועג וועט זיין לייכטער צו ברעכן די וואַנט. ווי עס האָט זיך שפעטער אַרויסגעוויזן, איז דער וועג געווען אַ ריכטיקער און דער אויסוואַל אַ גוטער.

מיט גרויס שוועריקייטן האָט זיך איינגעגעבן אין יאָר 1917 צו ברענגען העלערשטיינען אין שטעטל. מיט זיין אָנקומען אין שול הויבט זיך איר פרעסטיזש. און די אָנהענגער פאַר אַ יידישער שול מערן זיך פון טאָג. די נאַציאָנאַלע לימודים ווערן געפירט אין העברעאיש, די אַלגעמיינע אויף דייטש. שפעטער גייט מען אָבער אַריבער אויף יידיש.

די דייטשע מאַכט האָט געצאָלט די לערער געהאַלט און געגעבן שול-מכשירים. אַ טייל האָט געדעקט די דעמאָלטיקע געזעלשאַפט, דער שול-קאָמיטעט האָט איינגעפירט אַ מאָנאַט-אָפצאָל. מען דאַרף אָנערקענען, אַז די באַציאונג פון שטעטל צו דער שול איז געווען אַ גוטע. פאַר דער דייטשער רעוואָלוציע איז די שול אין ניי-סווענציאַן (צוזאַמען מיט די איבעריקע יידישע שולן אין געגנט, ווי פאָדבראָדז, סווענציאַן א. א.) אינגאַנצן אַריבערגעגאַנגען אויף יידיש, און די געזעלשאַפט איז געוואָרן דער פאַקטישער באַלעבאָס פון דער שול.

4.

אויסער דער אַרבעט פאַר דער שול איז אין יאָר 1916 געקומען דער געדאַנק, אַז עס מוז וואָס ניט איז געטאָן ווערן אויך פאַר די גרויסע, וואָס זינקען אין דעם האַנדל-וואַנדל מיט „קאָמע-טיי“. אַ גרופע פון עלטערע פערזאָן האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ ביבליאָטעק. כ'דערמאָן זיך, אַז ווען איך בין געגאַנגען מיט איינעם שלום בערמאַן קלייבן געלט, האָט מען געקוקט אויף אונדז ווי אויף משוגעים. דאָך האָט דאָס אונדז ניט אָפגעשראָקן און מיר האָבן געשאַפן אַ היפשע סומע און איינגעקויפט ביכער. ס'שטעלט זיך מיר איצט פאַר דער קליינער אַלמער מיט ביכער אויף קאָלטיניאַנער גאַס, דעם דעמאָלטיקן תחום. וועגן אַן ערלויבעניש האָט מען ניט געטראַכט. די עטלעכע ביכער האָבן אָבער אַריינגעטראָגן אַ נייעם שטראָם לעבן אין שטעטל. אין יאָר 1917, ווען נאָך לאַנגע וויכוחים איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון לערער העלערשטיין אַ נאַציאָנאַל-פאַראיין, איז די ביבליאָטעק אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין פאַראיין. דער פאַראיין האָט איינגעאָרדנט אַ פאָר רעפעראַטן און האָט אויסגעקעמפט אַ פאַרשטייערשאַפט אין קאָמיטעט.

5.

עס הויבן אָן דערגיין קלאַנגען וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע. עס ווערט ביי אונדז אַ סך דיסקוטירט, און עס שפירט זיך אַ געהויבענע שטימונג. אין יאָר 1918, ווען עס ברעכט אויס די דייטשע רעוואָלוציע, ווערט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין שטעטל אָפגערוקט אָן אַ זייט. מען איז פאַרנומען מיט די געשעענישן. בלויז איין אַנשטאַלט עקסיסטירט — די שול. די לערער שטייען אויף דער וואַך און לאָזן איר ניט איינפאַלן. און אָט פאַרלאָזן די דייטשן די געגנט. עס קומען אָן די באָלשעוויקעס, אָן אַ שלאַכט.

דער בירגערלעכער און באַלעבאַטישער עולם איז פאַרלאָרן און מוטלאָז. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז טויט. די נייע באַלעבאַטים הויבן אָן זיך אַריינצומישן אין שול-לעבן. מען פאַרווערט צו לערנען תנ"ך, וועלכן זיי אָנערקענען פאַר אַ רעליגיעזן לימוד. דאָס מאַכט אויף אַלעמען, אַפילו אויף די יידישיסטן, אַ שווערן איינדרוק. עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז די גאַנצע צייט, ניט קוקנדיק אויף די מיינונגס-פאַרשיידנקייטן כלפי-פנים, איז די שפראַכן-פראַגע געבליבן אונדזערע אַן אינערלעכע. כלפי-חוץ זיינען מיר געווען אייניק.

צו יענער צייט ווערט געגרינדעט אין ניי-סווענציאַן אַ „פלענבעוש“ — אַ פונקט פאַר היימלאָזע. איך טרעט אויך אַריין אין „פונקט“ און אַרבעט לטובת די היימלאָזע. ביים „פלענבעוש“ איז געווען אַ קאָמוניסטקע, וואָס האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף אונדז אַלעמען, איך דערמאָן זיך, ווי אַמאָל האָט די קאָמוניסטקע געזאָגט, אַז דער גאַנצער „פלענבעזש“ איז אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער און איז צופיל באַזעצט פון יידישע אָנגעשטעלטע. די לאַגע איז געווען אַ שווערע. פלוצלונג פאַרלאָזן די באָלשעוויקעס די געגנט און ס'קומען די פאָלאַקן. אין די איבערגאַנגס-טעג ווערט דאָס שטעטל ראַבירט. קיין מענטשלעכע קרבנות זיינען ניט געווען, ווי אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אין סווענציאַן זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס 6 יידן, אין דעם אַ פאָטער מיט 3 זין און 2 קריסטן און אין פאָדבראָדז — אַ פאָטער מיט 4 זין.

6.

נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס פאַרלאָזן אונדזער שטעטל שטעלן מיר זיך אין פאַרבינדונג מיט „יעקאָפאָ“ אין ווילנע. מיר באַקומען גלייך אַ געוויסע סומע אויף שטיצע און הויבן אָן צו פירן אַן אַרבעט. „יעקאָפאָ“ ווערט דער צענטער פון דער גאַנצער פראָווינץ. עס לעבט אויף אין שטעטל די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — נויטבאַדערפטיקע באַקומען שטיצע. מיר באַקומען אויך אַ סובסידיע

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

פאַר דער שול, וואָס ניט די מעגלעכקייט דער שול ווייטער צו עקסיסטירן. זי איז חרוב, דער לאָקאַל איז פאַרנומען דורך סאָלדאַטן, צעבראָכן און צעשטאָכן. מען קלייבט צונויף די פאַרבליבענע בענק, מען קריגט אַ וואוינונג און מען הויבט אָן לערנען. עס באַווייזן זיך אויטאָמאָבילן, מען קומט באַזאָרגן די קינדער, און אַלע לעבן מיטן אַמעריקאַנער פעטער. ווען עס באַווייזט זיך דער ערשטער אויטאָמאָביל, ווערט אַ טומל.

ביסלעכווייז הויבט מען זיך אָן גרייטן צו אַ קהילה. אין שטעטל בילדעט זיך אַ יוגנט-פאַראיין, וועלכער איז נאָך אונטער דער ווירקונג פון דער פאַרגאַנגענער צייט. מ'ווייס אַליין ניט, וואָס מ'וויל. מען איז געשטימט בונטאַריש, מען קעמפט קעגן דער עלטערער יוגנט, מען פירט אַ מלחמה, כדי צו פאַרכאַפּן מיט געוואַלד די ביבליאָטעק. ביסלעכווייז ניט זיך איין די עלטערע, פּראַקטישערע טוער צו פאַראייניקן די גאַנצע יוגנט — און צו די וואַלן „גייען" 2 צעטלען: איינער פון דער יוגנט, אַ צווייטער פון די עלטערע. די מערהייט באַקומט די יוגנט. די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ווערט אָנגעפירט דורך דער קהילה *). עס ווערן אָנגעהאַלטן אָפטע פּלענאַרע זיצונגען. מען קעמפט פאַר געוויסע פּרינציפּן. די עלטערע זיינען גאָרניט געווינס דערצו, אָבער זיי מוזן זיך אונטערוואַרפן. אַוועקגיין און לאָזן אַלץ ביי דער יוגנט האָט מען ניט קיין חשק. געלטער אויף צו באַפרידיקן די הצטרכותן באַקומט מען פון „יעקאָפּאָ". אויף אַזאַ אופן ווערן אויסגעהאַלטן די פאָלקס-שולן, די מלמדים, די תלמוד-תורה. עס ווערן אויך געשטיצט די ביבליאָטעק, יתומים און אַ קינדער-קיך. ס'גרינדעט זיך אַ גמ"ח.

אַדאַנק דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט לעבן, בליען און וואַקסן די אָרטיקע אַנשטאַלטן. אַלע ווייסן, אַז די קהילה איז די איינציקע פאָרשטייערין, און ווען אַ פּריוואַט-מענטש ווענדט זיך דירעקט קיין ווילנע, שיקט אים „יעקאָפּאָ" אָפּ צו דער שטעטלשער קהילה. אויך די מאַכט אָנערקענט די קהילה, אמת, ניט אָפיציעל און ווענדעט זיך צו איר אין פאַרשיידענע פאַלן. די גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן אויף דעמזעלביקן אופן, ווי אין דער גרויסער שטאָט. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן דאָס רעכט און דעם כבוד. מיט גרויס ווירדע איז דאָס געטאָן געוואָרן. די שול האָט באַקומען איר ריכטיקן אויסזען און כאַראַקטער.

7.

„יעקאָפּאָ" האָט ניט נאָר אויסגעלעבט די אַרבעט אויף די ערטער, נאָר האָט זי אויך קאָנצענטרירט. עס זיינען פאַרגעקומען פּלענומס פון קאָמיטעט „יעקאָפּאָ", וועלכע זיינען אַלע מאָל געפירט געוואָרן אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג. די דאָזיקע זיצונגען פלעגן דורכגיין גלענצנד און ברענגען גרויסע נוצן. די גאַנצע פּראָווינץ איז אַזוי-אַרום געוואָרן אָרגאַניזירט, און די אַרבעט פאַראיינהייטלעכט. עס האָט זיך געשפּירט אַ מעכטיקע קראַפט. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן דאַן די הילף פאַרשטאַנען נאָר ווי געבן יענעם ברויט מיט גרויפּן, האָט „יעקאָפּאָ" דאָך געשטיצט פאַרשיידענע קולטורעלע און פּראָדוקטיוו-נוצלעכע אַנשטאַלטן.

פאַר די קינדער, לויט די אינסטרוקציעס פון ק. פּ. ד., האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ קיך, וואו זיי זאָלן עסן אויף אָן אָרט. מיר האָבן אָפּגעדונגען אַ גרויסע הויז, איינגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקע קיך און אַלע טאָג געפירט די קינדער צוויי מאָל עסן. לאַנג זיינען מיר אין דער קיך ניט געווען. עס האָט געשטאָכן אין די אויגן און מען האָט געבעטן מחילה. מיר האָבן זיך געמוזט איבערקלייבן אין געסל, אין ווייבערשן מנין. די קיך איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אונזער חשובן חבר מ. באַק, זייער אַ פּינקטלעכן מענטשן. ניט איין מאָל האָבן די הערן פון ק. פּ. ד. געמוזט מודה זיין, אַז די אָרדענונג איז אַ גוטע.

ווען ס'איז אַריינגעקומען די פּוילישע מאַכט, האָט זיך געלאָזט שפּירן אַ געהויבענע שטימונג, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס איז אויסגעקומען ניט ווייניק צו ליידן. די שטימונג האָט געשאַפן די פאַרגאַנגענע צייט, די רוסישע און דייטשע רעוואָלוציעס, נאָכדעם פּילסודסקיס אויפרוף.

כ'דערמאָן זיך די צייט, ווען די אַדמיניסטראַציע איז נאָך ניט געווען קאָנסאָלידירט, מען האָט נאָך ניט געהאַט קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס און מען האָט נאָך געלעבט אונטער דעם רושם פון ווערסאַלער טראַקטאַט מיט זיינע מינדערהייטס-רעכט.

איינמאָל האָבן מיר זיך געווענדעט נאָך אַן ערלויבעניש וועגן אַ פאַרזאַמלונג צום שטעטלשן „רעוויראָווי". זיין ערשטע פראַגע איז געווען, אויף וואָסער שפּראַך וועלן מיר אויף דער פאַרזאַמלונג ריידן. פאַרשטייט זיך, מיין ענטפער איז געווען, אַז אויף יידיש. ער האָט גלייך געענטפערט, אַז אויף יידיש ערלויבט ער ניט. איך האָב זיך פאַררופן אויפן „ווערסאַלער טראַקטאַט", וועלכער גיט אונז דאָס דאָזיקע רעכט. ער איז געוואָרן אויסגערעגט: וואָס מיר ווערסאַלער טראַקטאַט? נאָר דאָך האָט ער די ערלויבעניש געגעבן.

אַ צווייטן מאָל האָט מיט מיר פּאַסירט אַן ענלעכע געשיכטע, ווען איך בין געפאָרן פון ניי-סווענציאַן קיין ווילנע. דער בריק איבערן טייך ווילע, איבער וועלכן ס'ליגט דער אייזנבאַן-פּלאַנט, איז געווען צעריסן. מען האָט געדאַרפט אַרויסזעצן זיך, גיין צופוס און איינשטייגן אין אַ צווייטן צוג אויף אונזער ברעג טייך. די יידן זיינען געלאָפן מיט אַ רעש פאַרכאַפּן ערטער אין וואַגאָן. עס איז אַ טומל. עס קומט אַריין אַ מלוכה-אָנגעשטעלטער מיט זיין ווייב, אַ פּריץ פון אונזער געגנט, און שרייט זיך פונאַנדער: „שווייגט, יידן, דאָס איז דאָך ניט דער „קאַהאַל!”. כ'האָב זיך ניט באַהערשט, אויסגעמוסרט דעם בייזן פּריץ, אָנגעוויזן אים, אַז ער איז אַ היטער פון דער אָרדענונג און דאַרף אַזעלכע אויסדרוקן ניט באַנוצן, און ער דאַרף וויסן דעם אַנטשפּרעכנדיקן פּונקט פון „ווערסאַלער טראַקטאַט". ער איז אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן.

די געבראַכטע פאַקטן אילוסטרירן די דעמאָלטיקע שטימונג. זיי האָבן מיר אָבער געקאָסט די פאַרשטייערשאַפט אין מאַגיסטראַט. די שטעטלשע פּריצים, די דעמאָלטיקע מלוכה-אָנגעשטעלטע, האָבן געהאַלטן, ווי עס ווייזט אויס, אַז אַזעלכע פאָדערונגען טאָרן ניט געשטעלט ווערן.

די וואַלן צום מאַגיסטראַט זיינען ניט פאָרגעקומען. מען האָט זיך צוזאַמענגערעדט און געמאַכט אַ געמיינזאַמען צעטל. די יידן האָבן ניט געוואָלט ריזיקירן און איינגענאַנגען אויף דער צאָל. אין די רשימות פון די וויילער זיינען ניט אַריין עטלעכע גנבים, איך און אַ ליטווין. מ'האָט דאָס מיר אַריינגעשיקט שריפטלעך און פון דער זייט מודיע געווען, אַז איך זאָל ניט מאַכן קיין טומל, ווייל מען האָט נאָך מיר געוואָלט אָפּטאָן, ווי עס ווייזט אויס, ערגער. אין

---

*) דער ערשטער פאָרזיצער פון דער ניי-סווענציאַנער קהילה איז געווען יצחק הורוויץ (וועלכער האָט בכלל די גאַנצע צייט אַנטוויקלט די שטאַרקסטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט), אין אַ קורצער צייט אַרום איז געוואָרן פאָרזיצער ברוך טורגעל, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט ביזן יאָר 1931, ד. ה. ביז זיין אַריבערפאָרן פון ניי-סווענציאַן קיין ווילנע. נאָכדעם איז געוואָרן פאָרזיצער חיים ליב סעגאַלאָוויטש, וועלכער האָט פריער פיל געאַרבעט אין קאָמיטעט פון ערשטן [illegible], צוזאַמען מיט טורגעלן, פ. [illegible], ש. י. ראַבינאָוויטש א. א. און מיט די פאַרשטייער-[illegible] חיים [illegible] און [illegible].

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

מאַגיסטראַט זיינען אַריין 4 ייִדן: יצחק תורדוס, חיים ליב סעגאַלאָוויטש, ברוך טורגעל און אברהם יצחק ראַבינאָוויטש.

אין יענער צייט איז אַנטשטאַנען אַ געדאַנק וועגן שאַפן אַ שטענדיקן לאָקאַל פאַר דער שול, ווייל, די שול האָט ניט געהאַט קיין מקום-מנוחה. שטענדיק פלעגט זי ווערן פאַרנומען דורך מיליטער און צערואינירט. אַן אַפטייקער פון משה-רבינוס גלויבן איינער ה' ציפקין האָט אַמאָל אויסגעבויט אין שטעטל אַ 2-גאָרנדיקע הויז און פאַרפלאַנצט אַ סאַד אַרום. די פאַרבליבענע יורשטע האָט דאָך געוואָלט, פאַרקויפנדיק דאָס הויז, אַז עס זאָל אָנקומען ייִדן און אויף אַן אַנשטאַלט. מיר האָבן זיך געווענדעט אין „יעקאַפאַ" און האָבן גלייך באַקומען אַ סובסידיע, דעם איבעריקן טייל געלט האָבן מיר געשאַפן צווישן אייגענע מענטשן און אַרומיקע און געקויפט דאָס הויז און דעם פלאַץ, וואָס איז אַ צירונג אין שטעטל און אַן אָרט פאַר עטלעכע אַנשטאַלטן.

עס גייט דורך די צייט פון די האָניק-חדשים. די מאַכט ווערט אַנדערש. מיר באַקומען ביסלעכווייז אַנצוהערעניש, אַז מיר זאָלן זיך ניט פאַרגעסן. די געהויבענע שטימונג פאַרשווינדט פאַמעלעך. עס שפירט זיך אַן איבערבראָך. אויפן פראָנט איז אויך ניט פריילעך. עס דערנענטערן זיך צו אונז די טענער פון האַרמאַטן און ביקסן. עס ווערט ערגער: מ'שלעפט אויף אַרבעט, מען ראַבירט די געשעפטן, מען שלאָגט, מ'שניידט בערד. מ'פרובירט זיך שטעלן אַנטקעגן, אָבער עס איז שוין ניט דאָס, וואָס פריער. עס שפירט זיך אַן אָפהענטיקייט. עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט, ווען מען וואַרט אויף די ליטווינער, וועלכע דאַרפן באַקומען די געגנט לויטן אָפמאַך מיט די באָלשעוויקעס. דערווייל ווערט דאָס שטעטל פאַרנומען דורך די לעצטע, וועלכע האַלטן עס פעסט אין האַנט. פאַרן קורצן פעריאָד, וואָס זיי זיינען אין שטעטל, נעמען זיי ניט אָן קיינע שריט און וואַרטן. נאָכדעם ווי זיי באַקומען אַ „קלאַפ" ביי וואַרשע, הויבן זיי אָן אָפצוטרעטן און גיבן איבער דאָס שטעטל די ליטווינער.

8.

פאַר דעם ליטווישן פעריאָד זיינען קיינע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען. די אַכטונג צו די ליטווינער איז עפעס ניט קיין איבעריקס גרויסע. דאָך פילט מען זיך פריי. די ליטווינער האָבן נאָך דאַן געשפילט זיך מיט די ייִדן אין פאָליטיק: אַ ייִדישער מיניסטער, אַווטאָנאָמיע. דאָך איז צו פאַרצייכענען עטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט דער מאַכט.

גראָד שבת ווערן אויפגעפאָדערט די פורמאַנעס צו געבן פערד. דאָס רופט אַרויס אַ גרויסע אויפרעגונג, מען קלייבט זיך רעדלעכווייז אויף די גאַסן און מען רעדט הויך. דער מיליציאַנט גייט צו, הייסט זיך פונאַנדערגיין מיט אַ חוצפהדיקן טאָן. איך באַהערש זיך ניט, הייס אים אָוועקגיין, מאַך גרויסע גוואַלדן און דראָ, אַז איך דעפעשיר תיכף קיין קאָוונע — כ'בין געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט „יעקאַפאַ" — שריי איך, אַז איך בין אַ מיטגליד פון ווילנער נאַציאָנאַל־ראַט און אַ געקליבענער פון דער גאַנצער געגנט. דער מיליציאַנט האָט זיך עפעס אָפגעשראָקן און אָפגעטראָגן. מען האָט מיך פאַררופן צום קאָמענדאַנט, מיך אויסגעפרעגט, פאַרשריבן און אָפגעלאָזן.

איינמאָל שטייען מיר און קוקן, ווי מען קלעפט באַקאַנטמאַכונגען אין ליטוויש, רוסיש און ייִדיש. אָפגעזען דערפון, וואָס איך בין געווען אונטערן רושם פון די ניט לאַנג פאָרגעקומענע ראַבירונגען, מאַך איך דאָך אַ באַמערקונג אין די אויגן פון פאָליציאַנט, אַז קיין רוסן זיינען דאָ ניטאָ און אַז דאָ וואוינען אויך פאָליאַקן און דעריבער דאַרף מען שרייבן אויך אויף פויליש. עפעס איז אים אַזאַ זאַך געווען וואונדערלעך און ער בעט מיר זיך ניט אַריינמישן.

די באַציאונג פון דער ליטווישער מאַכט צו די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס איז געווען ווי פאַר יענער צייט אין ליטע אַ גוטע. אונזער פאָלקס-שול איז געווען סובסידירט, ווי אַלע שולן. די סובסידיע פלעגט מען באַקומען אויסגעצאָלט פינקטלעך, אָן קיין שום שוועריקייטן. דער שטעמפל פון קהילה איז געווען גילטיק פאַר אַלץ.

9.

נאָך דעם זשעליגאָווסקי-מאַרש אויף ווילנע הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה. עס שאַפט זיך די מיטל-ליטווישע רעגירונג. מען ווייזט אַרויס אַ גוטע באַציאונג צו ייִדן, אָבער די לאַגע איז ניט קיין זיכערע.

שפעטער שטעלט זיך איין אַ פעסטערער מצב. ווילנע געהערט צו פוילן.

„יעקאַפאַ" קומט אויס צו פירן אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט. זי טיילט אָבער פונאַנדער די אַרבעט לויט באַזונדערע צווייגן. די שולן גיט זי איבער פאַרשיידענע בילדונגס-צענטראַלעס. אונזער שול מוז זיך אויך אָנשליסן אָן אַ צענטראַלע. ווייענדיק אַ שול מיט ייִדיש אַלס אונטערריכט-שפראַך, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אָן צ. ש. אָ. מאַטעריעל האָט די שול געליטן צוליב דער שפאַלטונג, ווייל די שטאָט האָט שטענדיק געוואָלט די פראָווינץ.

אין יאָר 1921 זיינען מיר זוכה געווען צו האָבן דעם ערשטן אַרויסלאָז אויף דער פראָווינץ. די אַביטוריענטן האָבן זיך איינגעאָרדנט פאַרשידן — סיי אין דער ייִדישער, סיי אין דער העברעאישער גימנאַזיע, אין טעכניקום ווי אויך אין ייִדישן לערער-סעמינאַר. שוין דעמאָלט איז די שול געשטאַנען אויף דער נייטיקער הייך. מיטן אָנקומען פון די לערער ווירניק און געניע יאַוויטש ווערט דער צוזאַמענשטעל פון פעדאַגאָגישן ראַט נאָך פאַרבעסערט. די מאַטעריעלע לאַגע פון שול הויבט אָבער אָן ווערן ערגער. ווילנע ציט צו זיך, פון דער רעגירונג באַקומען זיך ניט קיינע סובסידיעס — און ניט איין שווערן טאָג קומט אויס איבערצולעבן דער פאָלקס-שול און די לערער. די געזעלשאַפט איז געוויינט צו אומזיסטער בילדונג, און זייער שווער גיט זיך איין דאָס איינמאָנען שכר-לימוד. עס גרינדן זיך און בייטן זיך שול-קאָמיטעטן, עס ווערן געמאַכט פאַרשיידענע אָנשטרענגונגען, ניט איינמאָל נעמט מען אָן אָנגעשטרענגטע מיטלען—און די שול עקסיסטירט ווייטער. צו הילף קומט דער דראַמאַטישער קרייז, וועלכער גיט אָפ אַ סך מי און צייט פאַר דער שול דורך אָוונטן. דער שכר-לימוד ווערט ביסלעכווייז געשרויפט, און מען ווערט געוויינט צו צאָלן. די שול זיצט אין איר אייגענעם בנין, וואָס איז אַ מוסטערהאַפטער לגבי די שול-בנינים אין דער פראָווינץ. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די פאָרשטייער פון מאַגיסטראַט מיט הורדוסן בראָש הויבט מען אָן צו באַקומען אַ סובסידיע, וועלכע ווערט פאַרגרעסערט וואָס פון יאָר.

אין יאָר 1924 ווערט געפייערט מיט גרויס פאַראַד דער צווייטער סיום. די קינדער גייען זיך פונאַנדער אין פאַרשיידענע ריכטונגען, ווידער ווי נאָכן ערשטן סיום, קומען זיי אָן סיי אין ייִדישע, סיי אין העברעאישע מיטל-שולן. אַ גרופע מיידלעך האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער אָרטיקער פוילישער פאַך-שול פאַר האַנטאַרבעט און האַפטעריי. די שול ווערט אַ נאַטירלעכער פאַקטאָר אין לעבן פון שטעטל — זי ברענגט אַריין אַ נייעם גייסט. אויסער אויף די קינדער, ווירקט זי אויך אויף די עלטערן, זי איז פאַר אַלעמען „אונזערע".

די ביבליאָטעק, וועלכע האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים, ווערט פאַררוקט אָן אַ זייט. נאָר דער ביכערלאַגער פון „יעקאָפּאָ“ גיט איר אַ מעגלעכקייט ווידער אָנצוהייבן צו עקסיסטירן און די ביבליאָטעק אַ דאַנק דער זייער איבערגעגעבענער אַרבעט פון לערער וויניק ווערט דערהויבן צו אַ מדרגה פון אַן אמתער פאָלקס-ביבליאָטעק. זי ווערט געשטיצט דורך דער יוגנט און דורך ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט.

דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“, וועלכער האָט שוין ביי אונז פריער געגעבן געלט אויף הלוואות, גרינדעט אין ניי-סווענציאַן אַ פאָלקס-באַנק. ביסלעכווייז הויבט די באַנק אָן צו ווערן דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר פון יידישן אויפבוי, קאָנצענטרירנדיק אַרום זיך די געזעלשאַפטלעכקייט פון שטעטל. די פאָלקס-באַנק, גיט די מעגלעכקייט צו שטעלן אַ סך מענטשן אויף די פיס. עס קערן זיך אום די געפאַנגענע און היימלאָזע, און „יעקאָפּאָ“, דורך דער פאַרמיטלונג פון אונזער באַנק, שטיצט זיי ווי מעגלעך. אַדאַנק דעם ווערט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט אָנצוהויבן צו פירן אַ לעבן: עס ווערן געקויפט פערד פאַר פורמאַנעס, פאַכלייט באַקומען קרעדיט, סוחרים הויבן אָן צו האַנדלען. מיט דער שטיצע פון „יעקאָפּאָ“, דורך דער פאַרמיטלונג פון אונזער באַנק, באַקומען מיר מכשירים פאַר שניידער און שוסטער — ניי-מאַשינען וכדומה. די אינפלאַציע פון געלט מאַכט אָבער צונישט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל פון פאָלקס-באַנק, אָבער נאָך דער דעוואַלוואַציע הויבט זיך ווייטער אָן אַן אַרבעט. ביסלעכווייז פאַרבעסערט זיך די לאַגע, און דער באַנק אַרבעט ווידער אַקטיוו.

10.

עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן נאָך אַ צווייג פון אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורך ניי-סווענציאַן. זי איז ניט געווען קיין ריין-לאָקאַלע, נאָר מער אָדער ווייניקער אַן אַלגעמיין-יידישע אָנגעלעגנהייט. איך מיין דאָ די אַרבעט פאַר די היימלאָזע פון צפונדיקן ראַיאָן, וואָס זיינען רעעוואַקוּירט געוואָרן פון רוסלאַנד. זיי קומען אָן צוערשט אין ליטע, זיינען אָבער געצוואונגען צו פאָרן ווייטער. ליטע האָט ניט קיין פאַרבינדונג מיט פּוילן, און די היימלאָזע פאָרן אַריבער די גרענעץ אויף גאָטס באַראָט און אויפן יושר פון די פראָנט-איינוואוינער. עס קומט זיי אויס אויסצושטיין גרויסע צרות.

צוליב דער נאָענטקייט צו דער ליטווישער גרענעץ ווערט אונזער שטעטל אַ דורכגאַנגס-פּונקט. עס שאַפט זיך אַ פּוילישער פּונקט פאַר היימלאָזע צוערשט אונטער דעם מיליטערישן קאָנטראָל און שפּעטער אונטער דעם ציווילן. מ'וויל ניט אַריינלאָזן די היימלאָזע, וואָס פאָרן דורך לאַטוויע (לעטלאַנד). עס ווערן אָבער אָנגענומען מיטלען, מען גיט צו וויסן „יעקאָפּאָ“, מען אינטערווענירט. די באַדינגונגען ענדערן זיך צום גוטן. „יעקאָפּאָ“ שאַפט אַ באַזונדערן פּונקט פאַר היימלאָזע, וואו עס ווערט געטאָן אַ סך. אָרדנט איין אַ קיך, מען גיט אַרויס וועש מיט בגדים, מען שטיצט מיט געלט אויף הוצאות-הדרך. די אינטערווענץ פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט און דאָס גיט אַ מעגלעכקייט צו באַזייטיקן איבעריקע ליידן. די באַציאונגען ווערן פיל בעסערע. „יעקאָפּאָ“ גיט הילף ניט נאָר יידן, נאָר אויך קאַראַאימען, טאַטערן און קריסטן. די אַרבעט פאַרלייכטערט אַ סך דער דענעבורגער (דווינסקער) קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“, וואָס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן דורכן ווילנער קאָמיטעט אין לעטלאַנד מיט דער מיטהילף פון די דאָרטיקע טוער. מיטן אָפּשטעלן פון דער רעעוואַקואַציע, האָט זיך דער פּונקט געשלאָסן.

11.

צוליב דעם, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן ניט געקענט שיקן זייערע קרובים קיין געלט בשעת דער מלחמה און אויך צוליב דעם, וואָס די געלטער פלעגן גיין פאַרלאָרן אָדער ווערן אַרויסגעצאָלט לויט זייער אַ נידעריקן קורס, האָט „יעקאָפּאָ“ אין פאַרבינדונג מיט „האַיאַס“ אויך איבערגענומען די דאָזיקע אַרבעט, גרינדנדיק אַן עמיגראַציע-ביוראָ אין ווילנע, ווי אויך אין אַנדערע שטעטלעך און געבנדיק די קרובים אַ מעגלעכקייט צו באַקומען געלט דירעקט אין דאָלאַרן אָדער לויט אַ ריכטיקן קורס.

די ביוראָען פלעגן אויסזוכן קרובים און געבן אינפאָרמאַציעס וועגן עמיגראַציע. אונזער שטעטלשע ביוראָ האָט פאַרבונדן די יידן מיט זייערע אַמעריקאַנער קרובים, אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך, געאַרבעט אַ געוויסע צייט און לסוף האָט זי איבערגעגעבן די אַרבעט דעם שטאָטישן קאָמיטעט. איך זאָג קאָמיטעט, ווייל די מאַכט האָט די קהילה געשלאָסן.

אַ גרויסע און וויכטיקע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ“ פאַר אונזער שטעטל אויפן געביט פון יתומים-פאַרזאָרגונג. מען האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו עקסיסטירן, פאַרזאָרגט אויף ווייטער גאַנצע משפחות, געגעבן אַ גרויסע צאָל יתומים די מעגלעכקייט אויסצולערנען זיך אַ מלאכה, געלערנט זיי אין די שולן, געקליידט און געשוכט. די אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן האַרציק און פול מיט איבערגעבנקייט.

ביסלעכווייז ווערן די פאַרשיידענע מינים שטיצע פון „יעקאָפּאָ“ קלענער. ניי-סווענציאַן שטעלט זיך אַלץ מער אויף די אייגענע פיס. דער קאָנטאַקט מיט „יעקאָפּאָ“ ווערט אָבער קיינמאָל ניט איבערגעריסן. „יעקאָפּאָ“ פאַרבלייבט דער צענטער פאַר דער גאַנצער פּראָווינץ.

דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ פון יאָר 1919 אָן האָט פאַרדינט דעם נאָמען — רעפּרעזענטאַנץ פון פּראָווינץ. דער קאָמיטעט איז געווען די ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון געגנט, איר פּאַרלאַמענט. די קאָנפערענצן און זיצונגען פלעגן תמיד דורכגיין מיטן גרעסטן ערפאָלג. דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דערציען און אויסבילדן אויף דער פּראָווינץ גוטע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועקן און שטופּן צו אַרבעט. די טוער זיינען געווען איבערגעגעבן דער אַרבעט בלב ונפש.

„יעקאָפּאָ“ האָט ערפילט איר גרויסע אויפגאַבע. און אייביק וועט עס מיר זיין טייער, און מיינע בעסטע ערינערונגען וועלן זיין די צען יאָר אַרבעט מיט די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין איר אין „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע און אין ניי-סווענציאַן.

העשל גורוויטש.

ניי-סווענציאַן, 1925.

מעשה ראַקאָוו.

אַ סך מי און ענערגיע האָט „יעקאָפּאָ“ אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט פאַר די רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, היימלאָזע און אַנטלאָפענע פון די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע און אַנדערע מקומות. ניט ווייניק אַרבעט האָט זיך געפאָדערט פאַר די אַזוי-גערופענע „ראַקאָווער“.

וואָס און ווער זיינען עס געווען די „ראַקאָווער“?

ווינטער 1922 האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון רוסלאַנד קיין ראַקאָוו, גאַנצע פּאַרטיעס פּערזאָנען, וועלכע זיינען אומלעגאַל אַריבער די רוסיש-פּוילישע גרענעץ.

זיי אַלע האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. גרעסטנטיילס זיינען דאָס געווען: 1) פרויען און קינדער, וועמענס מענער עס זיינען נאָך ביז דער וועלט-מלחמה אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק די פאַמיליעס אויף הפקר; 2) קינדער-יתומים, ביי וועלכע די מוטערס זיינען געשטאָרבן אין רוסלאַנד און די טאַטעס זיינען געווען אין אַמעריקע; און 3) זקנים און זקנות, וועמענס קינדער ס'האָבן שוין לאַנג געוואוינט אין אַמעריקע. אָט די אַלע האָבן אין רוסלאַנד איבערגעלעבט אַלע גרוילן פון דער מלחמה און מהומות. איבערלאָזנדיק אַ גרויסע צאָל קרבנות אין דער שרעקלעכער פאָגראָם-תקופה אויף אוקראַינע, האָבן זיי, איבעררייסנדיק אינגאַנצן מיט רוסלאַנד, זיך געלאָזט קיין פוילן, מיט דער האָפענונג פון דאָרט אַרויסצורייסן זיך קיין אַמעריקע (אין רוסלאַנד זיינען צו זיי דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין וואַרשע געפינט זיך אַן אַמעריקאַנער קאָנסול און אַן אַמעריקאַנער הילפס-געזעלשאַפט).

און אָט די אַלע נפשות האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַריין אינמיטן ווינטער, אין ביטערע קעלטן, אָן וואַרימע וועש, אַ סך אַפילו אָן שיך און אָן געלט. און ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס נאָכדעם, ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט צענדליקער וויאָרסטן צופוס איבער וועלדער און וואָכנלאַנג זיך אָפגעוואַלגערט ביי די פויערים אין די דערפער, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון דער גרענעץ-שמירה, זיינען די אָנגעקומענע צו אונז אַלע אָן אויסנאַם קראַנקע, מיט צוגעפרוירענע און אויסגעקראַכענע קעפ, מיט אָפגעפרוירענע פיס און הענט, מיט אָפגעשוואַכטע געהערן (די האָר אויף די קעפ און די אויערן האָט מען אויסגעהיילט מיט עלעקטרע, אָבער די פינגער פון די פיס און די הענט האָט מען ביי אַ סך געמוזט אַמפוטירן).

אויף וויפיל שרעקלעך עס איז געווען דער וועג, קאָן דינען דער פאָלגנדער מאַוימדיקער פאַקט: איינע אַ יונגע פרוי, ביי וועלכער מען האָט דעם מאַן דערהרגעט אויף אוקראַינע, האָט באַשלאָסן צו פאָרן צו איר שוועסטער קיין אַמעריקע. ווען זי איז אַ האַלב-לעבעדיקע אַריבער די גרעניץ מיט אירע צוויי קליינע קינדער און אַריינגעפאַלן צו איינעם אַ פויער אין שטוב און האָט אַוועקגעלייגט אירע קינדער אין בעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען שוין טויט...

דאָס ערשטע, וואָס „יעקאָפאָ" האָט געטאָן פאַר די דאָזיקע עמיגראַנטן איז, וואָס זי האָט זיי געהאָלפן זיך אַריבערקלייבן פון ראַקאָוו קיין ווילנע. דאָ האָט מען זיי געגעבן דירות, מעדיצינישע הילף, באַשוכט, באַקליידט, געגעבן געלט. געשאַפן אומזיסטע מיטאָגן, אַן אומזיסטע באָד, און דער עיקר, געהאָלפן אויפזוכן און אויפשרייבן זיך מיט זייערע קרובים פון אַמעריקע, אַרויסגעפאָדערט פאַר זיי געלט, אַפידעוויטן און אַלע איבעריקע נייטיקע פאַפירן אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע.

דאָס זיינען אָבער געווען נאָר די ערשטע טריט. פאָראויס איז געשטאַנען אַ שווערע און וויכטיקע אויפגאַבע: דערפירן זיי ביז אַמעריקע. און די דאָזיקע אויפגאַבע איז באמת געווען זייער אַ שווערע. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ סך אויסגעהאַלטנקייט, אַרבעט און ענערגיע, אַ סך ליבע צו דער זאַך. ערשטנס האָט מען זיי געמוזט אַרויסרייסן פון דער השפעה פון די פאַרשיידענע מאַכערס, „אַגענטן" און שאַנטאַזשיסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום זיי. מען האָט געמוזט געווינען זייער אַבסאָלוטן צוטרוי, ווי אויך דעם צוטרוי פון דער מאַכט, פון וועלכער ס'איז געווען אָפהענגיק דער ווייטערדיקער גורל פון די עמיגראַנטן. און דער צוטרוי האָט זיך געפאָדערט נאָך באַזונדערס צוליב פאָלגנדע סיבות.

די ערשטע ראַקאָווער גרופע אין אַ צאָל בערך פון 200 מאַן, זיינען, ווי עס איז שוין פריער געזאָגט געווען, אַריבער אומלעגאַל די גרעניץ, און דערפאַר האָט די מאַכט באַשלאָסן אָפשיקן זיי גלייך צוריק קיין רוסלאַנד. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן די אימה, וואָס האָט אַרומגענומען די פיזיש און גייסטיק-צומאַטערטע מענטשן.

ניט האָבנדיק קיינע שום דאָקומענטן, ניט זיינענדיק אין ערגעץ צוגעשריבן, פלעגן זיי אָפט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פאָליציי, וועלכע פלעגט זיי אַוועקפירן אין די אַרעסט-הייזער. און ס'פלעגט אויסקומען אַ סך צו טאָן, כדי זיי צו באַפרייען. אַזעלכע אַרעסטן זיינען געוואָרן כראָניש. מיט דעם האָבן זיך באַנוצט פינצטערע פאַרשוינען, וועלכע פלעגן פאָרלייגן די אומגליקלעכע עמיגראַנטן כלומרשט זייער הילף און אַזוי-אַרום אויסנאַרן ביי זיי די לעצטע גראָשנס.

קודם-כל האָט מען אַלזאָ געדאַרפט אינטערווענירן ביי דער פאָליציי-מאַכט וועגן אָפשטעלן די אַרעסטן. די השתדלות האָט געהאָלפן און די אַרעסטן זיינען אָפגעשטעלט געוואָרן (טאָמער פלעגט זיך טרעפן אַ פאַל, פלעגט מען עס לייכט ערלעדיקן). דערביי האָט די מאַכט פאָרגעלייגט דעם קאָמיטעט „יעקאָפאָ", אַז ביז וואַנען די פראַגע וועט געלייזט ווערן, זאָל ער יעדן עמיגראַנט אַרויסגעבן אַ מאָנאַטלעכע באַשטעטיקונג מיט אַ פאָטאָגראַפיע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן און מער פלעגן זיך שוין אַזעלכע אינצידענטן ניט טרעפן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך „יעקאָפאָ" משתדל געווען וועגן לעגאַליזירן די עמיגראַנטן, ביז וואַנען זיי וועלן קענען אָפפאָרן קיין אַמעריקע.

די מאַכט האָט אינגיכן אַליין פאַרשטאַנען די נוצלאָזיקייט פון דעם אַרויסשיקן, ווייל די אַרויסגעשיקטע פלעגן זיך אומקערן צוריק. דאָס איז נאָר געווען אַן אומזיסטער שפאַציר איבער דער גרעניץ.

די אָנגעשראָקענע „ראַקאָווער" פלעגן זיך דערווייל צוהערן צו אַלערליי קלאַנגען וועגן אַרעסטן, וועגן אַרויסשיקעניש און אייניקע האָבן זיך דאָך געלאָזן איבעררעדן פון די פאַרשיידענע מאַכערס, וועלכע פלעגן קומען צו זיי מיט פאָרשלאָגן, אַז פאַר אַ היפשע באַלוינונג וועלן זיי שאַפן פאַר זיי אין אַ משך פון 2—3 וואָכן אַלע נויטיקע פאַפירן אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע. די לייכטגלויביקע האָבן זיך שפעטער שווער באַצאָלט דערפאַר.

נאָך שטאַרקער איז געוואָרן די שאַנטאַזש-מגפה, ווען די ראַקאָווער האָבן אָנגעהייבן צו באַקומען דאָלאַרן פון אַמעריקע און ווען עטלעכע האָבן אויך דערהאַלטן די נויטיקע דאָקומענטן אויף אַמעריקע. דאָס האָט געצוואונגען „יעקאָפאָ" אָנצונעמען נאָר אינטענסיווערע מיטלען און אויסצודעקן פאַר דער מאַכט די גאַנצע לאַגע און די דעמאָראַליזאַציע, צו וועלכער זי ברענגט.

נאָכדעם ווי עס איז פאַר דער מאַכט קלאָר געוואָרן די לאַגע, האָט מען די עמיגראַנטן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן צייטווייליקע וואוינונגס-ערלויבענישן („קאַרטע פאָביטו") און דאַן, ווי נאָר זיי פלעגן באַקומען די פאַפירן פון אַמעריקע, האָט מען זיי אָנגעהויבן אַרויסגעבן אויסלענדישע פעספער, וואָס עס האָט אינגאַנצן באַרואיקט די עמיגראַנטן.

אין משך פון דער צייט, וואָס מען איז זיך משתדל געווען ביי דער מאַכט, זיינען אייניקע עמיגראַנטן דאָך אַריינגעפאַלן אין נעץ פון די אַפעריסטן. זיי זיינען מיט זייערע פאַלשע דאָקומענטן פאַרהאַלטן געוואָרן און האָבן זיך געמוזט אָפוואַלגערן חדשים אין טורמע. און שוין די גליקלעכע האָבן אָפגעפטרט

מיטן פאַרלירן דאָס געלט און די אַפידעוויטן.

די צאָל אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד פלעגט אַלץ צוקומען און צוקומען. אויף אַלע אונזערע בקשות איז אונז די מאַכט געגאַנגען אַנטקעגן, מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט: עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעגיסטראַציע פון די פערזאָנען, וועלכע זיינען אומלעגאַל אַריבער די גרעניץ, אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף זיי אַ געוויסע שטראָף, און דאַן פלעגט מען זיי אַרויסגעבן די נייטיקע דאָקומענטן, אַדאַנק וועלכע זיי פלעגן באַקומען דאָס רעכט צו בלייבן וואַרטן ביז זייער אָפּפאָר קיין אַמעריקע. ווען „יעקאָפאָ" פלעגט דערוויזן, אַז דער אָדער יענער עמיגראַנט, איז ניט בכח צו באַצאָלן די שטראָף, פלעגט מען די שטראָף פאַרקלענערן, אָדער אינגאַנצן פון איר באַפרייען.

דאָ הויבט זיך אָבער אָן אַ צווייטער נייער קאַפיטל פון פיין און צרות: נאָכדעם ווי מען האָט שוין באַקומען דעם אויסלענדישן פאַס, האָט מען נאָך געדאַרפט באַקומען פון אַמעריקאַנער קאָנסול אַן איינטריטס־קאַרטע („קאַרטאַ ווסטעמפו"), ד. ה. אַ נומער, לויט וועלכן מען האָט אין אַ באַשטימטן טאָג געדאַרפט קומען נאָך דער וויזע. און דאָ איז מען געבליבן שטעקן. דער אַמעריקאַנער קאָנסול פלעגט באַשטימען דעם טאָג פון דער וויזע ניט פריער ווי אין 10—8 חדשים אַרום, אין דער צייט ווען פאַר די אָרטיקע עמיגראַנטן פון פוילן פלעגט ער זי באַשטימען אין 3—2 חדשים אַרום, ניט נעמענדיק אין אַכט, אַז די אָרטיקע עמיגראַנטן זיצן אויף די ערטער אין זייערע דירות און זיינען ניט אונטערגעוואָרפן אונטער קיינע שום גירושים.

און ווידער האָבן זיך אַ ריר געטאָן די אַפעריסטן, אָבער מיט זייער אַ שוואַכן ערפאָלג, ווייל דער צוטרוי צום קאָמיטעט איז שוין געווען שטאַרק ביי די עמיגראַנטן. און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן די שתדלנות ביי דער מאַכט. טאָג־טעגלעך האָט מען געמוזט זיין אין רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט און אויך דאָרט איז געווען צו אונז אַ פולער צוטרוי. די פעסער זיינען גלייך פראָלאָנגירט געוואָרן. אומעטום פלעגט מען אונז אַריינלאָזן אויסער דער ריי, וואָס עס האָט זייער פאַרלייכטערט די אַרבעט.

ענדלעך האָבן זיך די עמיגראַנטן באַרואיקט. באַזאָרגטע מיט אַ נומער אויף אַ וויזע, מיט געלט, מיט אָפטע ערמונטערנדע בריוו פון זייערע קרובים פון אַמעריקע, האָבן די אָנגעהויבן אַ ביסל קומען צו זיך. האָבן אָנגעהויבן בעסער צו עסן. זיך באַקליידט, אָנגעהויבן איינקויפן די נייטיקע זאַכן אויפן וועג, און דאַכט זיך קיינעם ניט געשטערט, שטיל געוואַרט אויפן טאָג פון זייער אָפּפאָר.

דער צוטרוי פון די עמיגראַנטן צו „יעקאָפאָ" איז געווען זייער גרויס. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס מען האָט זיי געראַטן. זיי האָבן זיך געקראָגן פאַרשיידענע ביכער, האָבן אויסגעשריבן אַן אַלגעמיינע צייטונג. זיי פלעגן זיך אויסקלייבן אינאָווענט, פלעגן לייענען צוזאַמען. אייניקע האָבן געשאַפן אַ גרופע אויף צו לערנען ענגליש. עס זיינען געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן צום אָפּפאָרן געלייענט און פאַרשטאַנען אַ בוך און אויך גערעדט גאַנץ פליסיק. די יוגנוואַרג האָט געשאַפן אַ גרופע צו לערנען יידיש. מען פלעגט זיי פירן אין די יידישע טעאַטערס, אויף קאָנצערטן, אין קינאָס. אַלץ איז, דאַכט זיך, געגאַנגען אַזוי גוט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך פשוט געפרייט, קוקנדיק אויף דער דאָזיקער מעטאַמאָרפאָזע.

נאָר אָט הויבן זיך אָן בלבולים אויף בלבולים: די עמיגראַנטן פאַרנעמען זיך פלומרשט מיט ספעקולאַציע, זיי ווילן ניט אַרויספאָרן פון פוילן, זיי קויפן איין אַלע פראָדוקטן און צוליב זיי וואַקסט דער יקרות. און דאָ האָט זיך ווי אַ דונער אַראָפּגעלאָזן אַ שרעקלעכע פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל די אַלע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, אַרויסשיקן צוריק קיין רוסלאַנד.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַראַ קלאַפּ דאָס איז געווען אי פאַר די עמיגראַנטן, אי פאַר אונז, נאָך דעם, ווי מען איז בייגעק'מען אַלע שוועריקייטן, נאָך אַ גאַנצן יאָר וואַרטן (די פאַראָרדענונג איז אַרויס אָנהויב 1923), נאָכדעם ווי מען האָט געפּטרט אַזוי פיל כּוחות און אַזוי פיל אומדערמידלעכע אַרבעט, און די עמיגראַנטן זיינען שוין געשטאַנען ביי די טירן פון אַמעריקע. אַ שרעק און אַ פאַניק האָט די פאַראָרדענונג אַרויסגערופן ביי די עמיגראַנטן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ יללה. די עמיגראַנטן פלעגט מען אַרעסטירן. ס'זיינען באַשטימט געוואָרן די טעג אויף אַרויסצושיקן. אונז האָט זיך אָבער איינגעגעבן אַלעמען אָפּצוהאַלטן און קיין איין עמיגראַנט אונזערער איז ניט אַרויסגעשיקט געוואָרן.

ס'זיינען געווען פאַלן, ווען די עמיגראַנטן זיינען שוין געזעסן אין די צוגן און געדאַרפט אָפּפאָרן און דאָך האָבן מיר זיי באַוויזן אָפּצוהאַלטן.

און דאָ הויבט זיך ווידער אָן די שתדלנות ביים אינערן־מיניסטער.

די עמיגראַנטן זיינען געווען שרעקלעך אָנגעשראָקן. זיי האָבן כמעט פאַרלאָרן יעדע האָפענונג זיך זען מיט זייערע קרובים, צו וועלכע זיי האָבן געשטרעבט שוין אַזוי פיל יאָר. זיי פלעגן ניט נעכטיקן אין דערהיים, טאָמער כאַפט מען זיי ביינאַכט און מען שיקט זיי אַרויס. און דאָס האַרץ האָט זיך צעריסן, זעענדיק די אומגליקלעכע, נידערשלאָגענע מענטשן.

ענדלעך, נאָך אַ גאַנצער ריי שתדלנות, האָט זיך איינגעגעבן, צו באַקומען אַן ערלויבעניש צייטווייליק צו באַזעצן די עמיגראַנטן אין די קליינע שטעטלעך, וואָס געפינען זיך נאָענט צו וואַרשע, ווי צעכאַנאָוו, וואָלאָשמיי און אַנדערע. אייניקע האָט מען אויך ערלויבט צו בלייבן אין ווילנע, אָבער יעדע וואָך, האָבן זיי זיך געמוזט מעלדן אין דער פאָליציי. אונטער דער דאָזיקער אויפזיכט זיינען זיי געווען ביזן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. און דער לעצטער ענדגילטיקער טאָג איז געווען דער 15-טער אַפּריל 1923. דער גרעסטער טייל עמיגראַנטן האָבן אָבער געהאַט זייערע נומערן אויף סעפטעמבער, אָקטאָבער, דעצעמבער 1923. שווער אויפן האַרצן איז געווען די עמיגראַנטן. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ נס. אַלע שתדלנות ביים אַמעריקאַנער קאָנסול זיינען געבליבן אינגאַנצן אָן ערפאָלג. די פוילישע עמיגראַנטן פלעגן אָוועקפאָרן און די רוסישע פלעגן באַקומען נומערן כמעט אויפן יאָר 1924.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון 15-טן אַפּריל 1923. די לאַגע איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. מען האָט געמוזט ראַטעווען מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר אַ תהום. אַ גרויסער טייל האָט באַשלאָסן צו פאָרן אַבי וואו, נאָר ניט אַרויסגעשיקט ווערן צוריק. מען איז געפאָרן קיין קובע, מעקסיקע, אַרגענטינע, וואו מען האָט אַריינגעלאָזן צו יענער צייט. ס'זיינען בלויז נייטיק געווען אויסלענדישע פעסער. מיר האָבן זיך געווענדעט אין רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט, וועלכער האָט זיך באַצויגן צום ענין מיט גרויס מיטגעפיל און איז אונז אין אַלץ געגאַנגען אַנטקעגן.

מען האָט אַרויסגעגעבן פעסער אין אַ משך פון 24 שעה און אין די טעג פון 15–14 אַפּריל, אין משך פון 3—2 שעה.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

אזוי אַיום, האָט זיך כמעט אַלע עמיגראַנטן, וואָס זיינען געווען אין ווילנע און אומגעגנט, איינגעגעבן אַרויספאָרן. אַ סך עמיגראַנטן זיינען אַריבערגעפאָרן קיין דאַנציג, וואו ס'זיינען געווען פאַר זיי באַראַקן און הילף ביי דער דאַנציגער אָפּטיילונג פון „היאַס". דאָך זיינען איינציקע גרופּעס עמיגראַנטן פאַרבליבן אין וואַרשע.

דאָס לעבן פון אַ סך עמיגראַנטן איז געווען אינגאַנצן צעבראָכן. אַזוי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געדאַרפט באַקומען וויזעס אין מאַי, יוני און דעריבער זיינען זיי געלאָפן קיין קובע, מעקסיקע, הגם די באַדינגונגען פון לעבן זיינען דאָרט זייער שווערע, דער קלימאַט ניט צוגעפּאַסט פאַר זיי, און אויף אַריבערקלייבן זיך קיין אַמעריקע, האָבן זיי דאַן דאָרט פריער געמוזט אָפּזיצן אַ לענגערע צייט. מאַטעריעל איז דאָס אויך ניט געווען נאָך זייערע כּוחות, צווישן די עמיגראַנטן זיינען געווען: זקנים, קינדער און יתומים.

ענדלעך האָט די פּוילישע מאַכט ערלויבט דעם רעשט עמיגראַנטן צו בלייבן אין פּוילן ביזן 1-טן סעפּטעמבער 1923. און דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט איינגעשטימט איבערצוגייסן די נומערן אויף דער צייט ביזן 1-טן סעפּטעמבער. אַ סך פאַמיליעס, האָבן זיך, צערואינירטע פון די אָפּטע איבערפאָרעניִשן, אומגעקערט צוריק קיין ווילנע. די אימה, אין וועלכער די מענטשן האָבן דאָ געלעבט, קאָן מען גאָרניט באַשרייבן. קראַנקע, אויסגעמאַטערטע, מיט צעשיטערטע נערוון (איינציקע זיינען געווען כּמעט משוגע פון דעם אייביקן דוכטן זיך, אַז מען פאַרפאָלגט זיי) און אייביקן שרעק פאַר נייע אַרויסשיקענישן און פאַראָרדענונגען, פלעגן זיי מורא האָבן פאַר יעדן שאָרך, פאַר יעדן קלאַפּ אין טיר.

איינמאָל, שבת, בין איך אַוועק באַזוכן אַ גרופּע עמיגראַנטן. זיי פלעגן זיך שטענדיק זייער פרייען און עס פלעגט זיי שטאַרק באַרואיקן מיין קומען.

אויף מיין אָנקלאַפּן אין טיר, אויף דער פראַגע: „ווער איז דאָרט?" האָב איך, על פּי טעות, געענטפערט אויף פּויליש. און ווען מען האָט מיר אַריינגעלאָזן, האָב איך זיי געפונען דערשראָקן ביז חלשות. ס'האָט זיך זיי געדוכט, אַז מען גייט זיי אַרעסטירן. מיר האָט זיך קוים איינגעגעבן זיי צו באַרואיקן.

ניט אַלעמען האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצופאָרן ביזן 1-טן סעפּטעמבער, ווייל ניט אַלעמען האָט דער קאָנסול איבערגעגעבן די נומערן. דאָך האָבן מיר פאַר אונזער אַרבעט באַקומען אַ פולע באַפרידיקונג. אַלע אונזערע עמיגראַנטן, מיט גאָר אַ קליינעם אויסנאַם, זיינען איצט אין אַמעריקע מיט זייערע קרובים. מיר באַקומען פון זיי דאַנקבאַרע בריוו. באַזונדערס רירנד זיינען די בריוו און פאָטאָגראַפיעס פון די קינדער.

רבקה סטערניק.

אויגוסט, 1924.

אין אַ גרעניץ-פונקט פאַר היימלאָזע אין דער צייט פון דער ליטווישער הערשאַפט.

אַלס באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאַ" איז מיר אויסגעקומען אין יאָר 1920 איבערצונעמען די היימלאָזע, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד אין זייער היים — ליטע.

דער שטראָם פון די דאָזיקע היימלאָזע איז דאַן געווען זייער אַ גרויסער און איז געגאַנגען עשאַלאָנענווייז דער עיקר דורך מאָלאַדעטשנע און סמאָרגאָן. קיין שוועריקייטן אין הינזיכט פון אַריבערגיין די גרעניץ איז די היימלאָזע ניט געמאַכט געוואָרן ניט מצד דער רוסישער, ניט מצד דער ליטווישער מאַכט. דער גרעניץ-פונקט האָט זיך געפונען אין דאָרף סלאָבאָדקע 4 וויאָרסט ווייט פון דער סטאַנציע און שטעטל גידאָנאַי. אין דעם דאָזיקן דאָרף האָט זיך געפונען דער ליטווישער באַפולמעכטיקטער איבער די רעעוואַקואַציע-ענינים און דאָרטן פלעגן פון צייט צו צייט קומען אויך פאַרשטייער פון דער רוסישער מאַכט צו פאַרשטענדיקן זיך אין רעעוואַקואַציע-פראַגן.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די ליטווישע הערשאַפט האָט אין ווילנער געגנט געדויערט אַ גאַנץ קורצע צייט, זיינען דורך דער צייט דאָך אָנגעקומען פון רוסלאַנד און אָפּגעשיקט געוואָרן אין זייערע היימען עטלעכע טויזנט היימלאָזע. די לאַגע פון די היימלאָזע איז גרעסטנטייל געווען אַ שלעכטע. נאָך לאַנגע יאָרן וואַלגערניש, הונגער און נויט האָבן זיי זיך אומגעקערט אין זייערע היימען דערשלאָגענע, פאַראָרימטע און ניט זעלטן קראַנקע.

מיין אויפגאַבע אַלס באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאַ" איז געווען צו קומען די היימלאָזע צו הילף מיט עסן, צו פאַרלייכטערן זיי די פאַרבינדונג מיט דער מאַכט, אינפאָרמירן זיי וועגן דער לאַגע אין לאַנד און קומען זיי אַנטקעגן מיט יורידישע עצות.

צו דעם צוועק האָט דער ליטווישער קאָמענדאַנט איבער דער גרעניץ-וואַך, וועלכער האָט געוואוינט אין שומסק, מיר אַרויסגעגעבן אַן ערלויבעניש דורכצוגיין פריי אַלע פּאָסטנס ביי דער גרעניץ-וואַך און פריי זיך באַוועגן אין דער גאַנצער געגנט, וואו ס'גייען די היימלאָזע און געפינען זיך אין רשות פון דער ליטווישער מאַכט. (אגב האָט דאָס ניט געשטערט שוין דעם ערשטן פּאָסטן ביי שומסק מיר אויפן שטרענגסטן אופן צו רעווידירן און צו זוכן ביי מיר אין די קעשענעס און אין וואָגן).

עשאַלאָנען מיט היימלאָזע פלעגן אָנקומען יעדן טאָג און גלייך איבערטראַנספּאָרטירט ווערן קיין ווילנע, וואו מ'האָט זיי סאָרטירט און פונאַנדערגעשיקט אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון ליטע.

צום סוף האָט זיך גאַנץ אומדערוואַרט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַן אָפּגעריסענער טייל פון דער פּוילישער אַרמייע גייט פאַרנעמען ווילנע, און געפינט זיך שוין אין דער גרעניץ-געגנט פון רוסלאַנד און ליטע. און ווירקלעך האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג פון דער ליטווישער מיליץ, וועלכע האָט זיך געפונען אין גודאָגאַי, אָפּצוטרעטן פון שטעטל. ביינאַכט איז די גאַנצע מיליץ צוגעגרייט געוואָרן אָפּצוטרעטן און געבליבן וואַרטן אויף אַ באַפעל. אַרום שטעטל איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנצע ריי קוילנוואַרפערס און פאַרגרעסערטע פּאַטרולן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו באַוואַכן די געגנט.

די נאַכט איז דורכגעגאַנגען שטיל, נאָר די שטימונג און אַטמאָספער זיינען שוין פאַרבליבן זייער אָנגעשטרענגטע.

אויך אויף מאָרגן אינדערפרי איז די לאַגע נאָך ניט געווען אויפגעקלערט. דאָך האָט זיך געשפּירט, אַז ס'גרייטן זיך נייע סיורפּריזן און נייע איבערלעבענישן.

וויסנדיק, אַז דורך דערזעלבער נאַכט דאָרטן אָנקומען פון רוסלאַנד אַן ערך 500 היימלאָזע און האָבנדיק באַשטימט אויף דעם טאָג אַ צוג אָפּצופירן די היימלאָזע קיין ווילנע, האָב איך ניט קוקנדיק אויף די עצות פון אַלע אַרומיקע, ניט צו שטעלן דעם לעבן אין סכנה אויף צו גיין קיין סלאָבאָדקע באַגעגענען די היימלאָזע (קיין פורן האָט מען שוין ניט געקענט באַקומען, ווייל די זיינען אַלע געווען רעקווירירט פון

Universitatsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

דער ליטווישער פּאָליציי, האָב איך פאָרט באַשלאָסן אויסצופירן מיין אויפגאַבע ביזן סוף און אַוועקגעגאַנגען קיין סלאָבאָדקע.

קומענדיק בשלום קיין סלאָבאָדקע האָב איך שוין געפונען אייניקע הונדערט היימלאָזע אָנגעקומען דורך נאַכט, און פיל פון זיי האָבן שוין געהאַט שיינען (פּשעפּוסטקעס) פון דער פּוילישער מיליטער-מאַכט, וועלכע זיי האָבן געטראָפן אויפן וועג.

די ידיעה וועגן דעם, אַז די פּאָלאַקן גייען פאַרנעמען ווילנע האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט צווישן די היימלאָזע און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרואיקונג אין זייערע רייען צוליב דער מורא, אַז ס'וועט זיי ווידער ניט געלינגען אָנצוקומען אַהיים. די באַאומרואיקונג איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען דער באַשטעלטער צוג פון ווילנע איז צו דער באַשטימטער צייט ניט אָנגעקומען און אין דאָרף סלאָבאָדקע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז קיינער זאָל זיך ניט געפינען אין גאַס, נאָר אַלע זאָלן זיך באַהאַלטן אין די הייזער אָדער אוועקגיין צו דער באַן-ליניע, ווייל יעדע מינוט קען מען דערוואַרטן אַן אַטאַקע מצד די פּאָלאַקן.

ענדלעך, אַזייגער 12 בייטאָג, האָט זיך באַוויזן דער אָנקומענדיקער צוג און די שמחה פון די רעעמיגראַנטן איז געוואָרן אָן לשער. פיל האָבן געוויינט פאַר פרייד און מיר געבעטן איבערגעבן זייער הערצלעכסטן דאַנק דעם קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ פאַר אַלע מי און זאָרג, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן כדי צו ברענגען זיי אין זייער היים, פון וועלכער זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן מיט פיל יאָרן צוריק.

נאָר אָנשטאָט די באַשטעלטע 15 וואַגאָנעס זיינען צוגעשיקט געוואָרן נאָר 7 וואַגאָנעס, און אַלע האָבן דאָס אָנגענומען פאַר גוט, אַבי נאָר באַקומען די מעגלעכקייט צו דערשלעפּן זיך ביז ווילנע. און אַלע 500 רעעמיגראַנטן האָבן זיך „אָנגעלאָדן“ מיט זייערע געפּעק אין די 7 וואַגאָנעס, וואו מ'האָט זיי געטיילט ברויט מיט קאַרטאָפל, וועלכע „יעקאָפּאָ“ האָט פאַר זיי צוגעגרייט און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך אַרום 4 אַזייגער בייטאָג דערשלעפּט ביז ווילנע, וואו ס'האָבן זיי ווידער אָפּגעוואַרט פאַרשטייער פון „יעקאָפּאָ“ און באַזאָרגט זיי די ווייטערדיקע רייזע קיין ליטע.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין ווילנע, האָט זיך שוין שטאַרק געשפּירט די עוואַקואַציע פון די ליטווינער: אַלע ליניעס זיינען געווען פאַרנומען מיט צוגן, וועלכע האָבן אַרויסגעפירט די ליטווישע אינסטיטוציעס און באַאַמטע קיין קאָוונע און ס'איז געגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט וואָס גיכער דורכצופירן די עוואַקואַציע.

נאַטירלעך, האָט יעדער היימלאָזער מיטגעפירט מיט זיך זיינע לעצטע בעבעכעס, וועלכע זיינען אים איבערגעבליבן פון זיינע גלות-יאָרן און וועלכע האָבן מייסטנס אויסגעמאַכט זייער גאַנצן פאַרמעגן. דאָס איינציקע, וואָס האָט געטרייסט די היימלאָזע, איז געווען די האָפענונג, אַז אינדערהיים וועלן זיי ענדלעך געפינען אַן אָרט, וואו דעם קאָם אוועקצולייגן, אָפּרוען זיך פון די לאַנגיעריקע זוכעניש אין די ווייטע געגנטן פון רוסלאַנד, וואו דער שלימזלדיקער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן און וואו זיי זיינען אויסגעשטאַנען כל המינים צרות און זיך דאָך צו קיין זאַך ניט דערשלאָגן. נאָר ניט אַלעמענס האָפענונגען זיינען מקוים געוואָרן.

אין וועג האָבן זיי אויך געהאַט אויסצושטיין ניט ווייניק צרות. דער גרעסטער טייל פון די היימלאָזע האָט זיך געפונען אין וועג 5—6 און זאָגאָר 8—10 וואָכן, די גאַנצע צייט אין די וואַגאָנעס, אין העכסט אַנטי-סאַניטאַרע באַדינגונגען.

מיט די רוסישע צוגן פלעגט מען די היימלאָזע צופירן ביז דער סטאַנציע סאָל און פון דאָרטן ביז סלאָבאָדקע האָבן זיי געמוזט גיין צופוס און אויף אַריבערצופירן די זאַכן האָט מען געשטעלט אין רשות פון די היימלאָזע אייניקע וואַגאָנעטקעס, וועלכע זיי האָבן אַליין געשטופּט ביז סלאָבאָדקע, וואו ס'האָבן זיי איבערגענומען די ליטווישע צוגן.

מצד די ליטווישע באַאַמטע איז די באַציאונג צו די היימלאָזע דאַן געווען אַ גאַנץ גוטע און זיי האָבן ניט געמאַכט קיין שום אונטערשייד צווישן ייִדן און קריסטן.

אויף מאָרגן דעם 9-טן אָקטאָבער 1920 איז ווילנע פאַרנומען געוואָרן דורך גענעראַל זשעליגאָווסקיס אַרמיי.

לויט ווי די לעצטע היימלאָזע האָבן איבערגעגעבן, האָט מען זיי געבראַכט מיט די רוסישע צוגן ביז מאָלאָדעטשנע און דאָרט זיי געוואָלט אַרויסזעצן, נאָר נאָך פיל מי האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פועלן מ'זאָל זיי צופירן ביז סטאַנציע סמאָרגאָן, וואו מ'האָט זיי אַרויסגעזעצט און נאָכן אויפרייסן די ליניע, איז דער צוג אוועק צוריק קיין רוסלאַנד און אין רשות פון די היימלאָזע האָט מען איבערגעלאָזן אייניקע וואַגאָנעטקעס, מיט וועלכע זיי האָבן געבראַכט זייערע זאַכן ביז סלאָבאָדקע.

חיים חאַזאַן.

אונטער דריי מאַכטן.

1.

אַ געדיכטע מענטשן-מענגע, מיט בלייכע, אויסגעצערטע פּנימער און אָנגעטאָן אין שמאַטעס, האָבן באַלאַגערט דעם בנין פון דער „קייזערלעכער דייטשער אָרטס-קאָמאַנדאַנטור צו נאָוואָגרודעק“ אין דעם ווינטערדיקן פרימאָרגן אָנהייב 1918, אין וועלכן עס איז אָנגעקומען די ידיעה פון דעם אונטערגעשריבענעם בריסקער שלום-אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. מען האָט ערוואַרט אַ באַלדיקע ישועה, אַ גאַנצע דערלייזונג פון דער שרעקלעכער לאַגע, אין וועלכער די שטאָט נאָוואָגרודאָק האָט זיך געפונען זייט הערבסט 1915. דערהויפּט זיינען געווען פול מיט האָפענונג די היימלאָזע פון די אַרומיקע שטעטלעך: לובטש, קאָרעליטש, האָראָדישץ, דעליאַטיטש און ניישטאָט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ צאָל פון איבער 300 משפּחות אין נאָוואָגרודאָק. זיי האָבן נאָך ניט געוווּסט פון דעם פולשטענדיקן חורבן פון זייערע שטעטלעך און האָבן געטרוימט וועגן אַ גיכן צוריקקערן זיך אין זייערע היימען.

אָבער דער שלום האָט נאָך ווייט ניט געבראַכט קיין דערלייכטערונג. פאַר 90 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג איז די לאַגע אין זומער 1918 פּשוט געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל. די דייטשן האָבן גענומען אָפּשטעלן די עפנטלעכע אַרבעטן ביים בויען און פאַרריכטן די וועגן אין די וועלדער א. א. ביי וועלכע עס האָבן פאַרדינט זייער טעגלעכן ברויט יונג און אַלט, מאַן און פרוי, מ'קען זאָגן די גרעסערע העלפט פון דער באַפעלקערונג. שווערער פון אַלעמען האָט זיך עס געלאָזט פילן צווישן די הונדערטער היימלאָזע משפּחות, וועלכע האָבן ווייטער געמוזט פאַרבלייבן אין נאָוואָגרודאָק, ווייל אומקערן זיך אין זייערע אַלטע היימען, אין אַ געגנט, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמתן מדבר, האָבן געקענט נאָר געציילטע משפּחות, וועלכע האָבן געפילט, אַז זיי באַזיצן נאָך אַ ביסל מאַטעריעלע מיטלען און פיזישע כוחות.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
UB | Frankfurt am Main
DFG

איך האָב אין משך פון זומער 1918 פיל מאָל באַזוכט, אין אויפטראָג פון „יידישן בוי און איבערזידלונגס-קאָמיטעט אין נאָוואָגרודעק“, די אויבנדערמאָנטע שטעטלעך אויסער האָראָדישץ. עס איז ממש געווען צו באַוואונדערן די אויסערגעוויינלעכע עקשנות און די איבערמענטשלעכע אַנשטרענגונגען פון די וויניקע, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט און זיך גענומען צום אויפשטעלן זייערע חורבות.

אַ באַזונדערס שוידערלעכן איינדרוק האָט געמאַכט דאָס שטעטל לובטש. פון די איבער 500 בנינים פון פאַר דער מלחמה איז פאַרבליבן קוים אַ צענדליק חורבות. אַלץ דאָס איבעריקע איז געווען אַראָפּגעמעקט פון דער ערד, אַזוי ווי דורך אַ מבול. די גאַסן זיינען געווען דורכגעגראָבן אין פאַרשיידענע ריכטונגען מיט אָקאָפעס און גריבער. אומעטום האָבן זיך דערהייבן אָנגעשאָטענע ערד-וואַלן, באַוואַקסענע מיט ווילדע קוסטעס, ליניעס פון געדיכטע דראָט-פאַרצאַמונגען האָבן געשטערט אויף יעדן טריט דעם פרייען דורכגאַנג.

איינוואוינער זיינען דאָרט אין זומער 1918 געווען ניט מער ווי אַ 25 פאַמיליעס (פאַר דער מלחמה האָבן דאָרטן געלעבט איבער 300 יידישע פאַמיליעס). מען האָט זיך געוואַלגערט אין די אָקאָפעס און אויך אין אַ פאָר פון די האַלבצעשטערטע בנינים. די ענגשאַפט און שמוץ איז געווען אומדערטרעגלעך.

דאָסזעלבע בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אויך קאַרעליטש און די אַנדערע שטעטלעך. די קליינע יידישע ישובים אין דער גרויסער חרוב-געוואָרענער געגנט האָבן אויסגעזען ווי קליינע אינזעלעך אין אַ גרויסן ים. די פויערשע באַפעלקערונג, וואָס איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקערט. די יידישע ישובים זיינען געווען כמעט די איינציקע סימנים פון לעבן אין דער גאַנצער געגנט.

ביי טאָג, אַז די זון האָט געשיינט, איז נאָך געווען צו דערליידן. ביי נאַכט אָבער איז דאָס בילד געווען אַ שרעקלעכע. פון די קוסטעס האָט זיך געטראָגן דאָס געשריי פון ווילדע פייגלעך, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. אָפט פלעגט מען זען דורכלויפנדיק וועלף, וועלכע האָבן זיך פאַרפירט אין די ליידיקע אָקאָפעס. עס זיינען געווען פאַלן, אַז די וועלף האָבן אַוועקגעשלעפט ציגן פון מיטן גאַס.

אין האַרבסט 1918 איז די לאַגע פון די צוריקגעקערטע אין די שטעטלעך געוואָרן עפּעס לייכטער, ווייל זיי האָבן אַראָפּגענומען אַ ביסל זומער-תבואות און קאַרטאָפל פון די שטיקלעך פעלדער, וועלכע זיי האָבן באַוויזן אָפּצורייניקן פון די ווילדע גראָזן און פאַרזייען. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, אָבער די ערד, וועלכע האָט 3 יאָר כסדר גערוט, האָט באַצאָלט מיט אַ רייכער גערעטעניש. אין הינזיכט פון פראָוויאַנטירונג איז זיי געווען ניט אין דעם ערך בעסער, ווי די היימלאָזע, וואָס זיינען פאַרבליבן אין נאָוואָגרודאָק, וואו די הונגער-נויט איז געוואָרן אַלץ קענטיקער און דראָענדיקער.

2.

פאַר זייער אָפּטרעטן האָבן די דייטשן זיך באַמיט אַרויסצופירן וואָס מער תבואות און ערד-פראָדוקטן. דערפאַר האָבן זיי געמאַכט „אויספאַרקויפונגען“ אויף אַלע מינים רעשטלעך פון דער פראָנט-ווירטשאַפט, ווי אַלטע אייזנס, נעגל, העק, קירקעס א. א., ווי אויך פון די ביכער און שרייב-מאַטעריאַלן פון דעם גרויסן ביכער- און שרייבוואַרן-לאַגער, וועלכן זיי האָבן געהאַט אין נאָוואָגרודאָק.

די דייטשן האָבן פאַרלאָזן נאָוואָגרודאָק דעם 27-טן דעצעמבער 1918. ביז דעם לעצטן טאָג איז אַלץ געווען רואיק און קיין עקסצעסן קעגן דער ציוויל-באַפעלקערונג זיינען ניט פאָרגעקומען. אָבער די לעצטע דייטשישע אָפּטיילונג, אַ פולק הוזאַרן, האָבן צוגעגרייט דער באַפעלקערונג אַ סיורפריז. פרייטאָג דעם 27-טן דעצעמבער, גאַנץ פרי, האָט דער פולק אויסגעשטעלט זיין אַרטילעריע און קוילנוואַרפערס לענג אויס דעם מאַרק און אַלע גאַסן. דער עולם האָט פריער געמיינט, אַז דאָס איז אַ פאָרזיכטס-מיטל קעגן אַ פלוצלונגען איבערפאַל פון די באָלשעוויקעס. אָבער באַלד איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דאָס איז אַ דראָאונגס-מיטל קעגן דער פרידלעכער באַפעלקערונג. די קאָמאַנדע פון פולק פאָדערט פון בירגער-קאָמיטעט אין משך פון אַ פאָר שעה איינצוצאָלן איר אַ גרויסע געלט-קאָנטריבוציע. אין פאַל פון אַן אָפּזאָג, דראָט זי צו באַשיסן די שטאָט פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס.

נאָך אַ לאַנגן אונטערהאַנדלען אין דינגען זיך מיט דער פולק קאָמאַנדע איז מען ענדלעך זיך דורכגעקומען. אַנשטאָט די געפאָדערטע 40 טויזנט דייטשישע מאַרק האָט זי באַקומען 8 טויזנט. אַרום האַלבן טאָג האָבן די לעצטע דייטשן פאַרלאָזן נאָוואָגרודאָק.

אין דעמזעלבן טאָג נאָך, בין השמשות, ווען די יידן האָבן מקבל שבת געווען אין די קלויזן, איז אין שטאָט אַריין דער באָלשעוויסטישער חיל, אַן ערך פון אַ הונדערט רייטער אויף קליינע פויערישע פערדלעך, באַגלייט פון אַ פאָר צענדליק פויערישע שליטנס. פאַר גאָר אַ קליינעם עולם האָט דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג פון אַ שליטן אַראָפּ געהאַלטן אַ קורצע רעדע. די פאַרהונגערטע און פאַריאושטע באַפעלקערונג, אַלס גאַנצעס, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס צו די פּאָליטישע געשעענישן, וואָס קומען דאָ פאָר, און צו די וועקסלונגען פון דער מאַכט.

3.

עס זיינען אָנגעשטאַנען זייער שווערע טעג, די סאַמע שווערסטע פאַר דער גאַנצער אָקופאַציע-צייט. דער קאַנט איז געווען באַרויבט פון לעבנסמיטלען דורך די דייטשן, און דער נייער מאַכט האָט געפעלט די פעאיקייט צו אָרגאַניזאַציע. אַנשטאָט דעם דייטשן פראָוויאַנטירונגס-אַמט, וועלכער האָט רעגלמעסיק, כאָטש אין קליינע ראַציאָנען, אַרויסגעגעבן דער באַפעלקערונג קאָרענע מעל, זאַלץ, און אָפטמאָל אויך אַנדערע שפייז-פראָדוקטן, איז גאָרניט געשאַפן געוואָרן. עס האָט אויפגעהערט אָנצוקומען דאָס שטיצגעלט פון „הילפס-פאַראיין פון די דייטשע יודען“ אין בערלין, וועלכע עס פלעגט פאַרטיילט ווערן אַלע 2 וואָכן איבער 600 יידישע געדריקטע משפחות. די אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלע פאַרזאָרגונג ביי די באָלשעוויקעס האָט זיך לאַנג אָרגאַניזירט, און נאָכדעם לאַנגזאַם און שווערפעליק געאַרבעט. די שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט, נאָך אַ ירושה פון לעצטן פעריאָד פון דער דייטשער אָקופאַציע, איז געשטיגן אויף אַזאַ מוראדיקן אופן, אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט אויסגעזען ווי פאַרגליווערט און אָפּגעשטאָרבן. עס האָבן זיך געשלאָסן אַלע געשעפטן, פון וועלכע די סחורה איז גרעסטנטיילס געוואָרן קאָנפיסקירט. דער פאַרקער מיט פוילן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט צוליבן פראָנט, וועלכער האָט זיך געפונען אַ 20 קילאָמעטער צו מערב צו פון נאָוואָגרודאָק, און מיט רוסלאַנד איז ער אויך געווען אַ נישטיקער.

אַ טייל פון דער יוגנט האָט זיך איינגעאָרדנט אין די פאַרשיידענע קאַנצעלאַריעס ביי די באָלשעוויקעס. יידן האָבן אָבער אַלץ פאַרנומען קלענערע, ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס. די מיידלעך האָבן כמעט אַלע געאַרבעט אַלס איבערשרייבערינס, ד. ה. זיי האָבן ערפילט די פונקציעס פון אַ שרייב-מאַשין, צו אויספערטיקן מערערע עקזעמ-

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

פלאַרן פון איין און דעמזעלבן טעקסט. דער געהאַלט איז געווען ניט קיין באַדייטנדער אין פאַרהעלטעניש צו דער טייערקייט פון לעבן, בפרט נאָך, אַז ער פלעגט ווערן אויסגעצאָלט פון 80 ביז 90 פּראָצענט אין קערענקעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ פיל קלענערן ווערט, ווי דער צאַרסקער רובל, און מ'האָט זיי בכלל ניט גערן גענומען. קיין פּראָדוקטן, אַלס „פּאַיאָק", האָבן דאַן די באָלשעוויסטישע אָנגעשטעלטע ניט באַקומען. נאָך דעם אַלעמען אָבער איז דער פאַרדינסט פון די אָנגעשטעלטע געווען אַ הילף פאַר אַ טייל פאַמיליעס.

אַ גרויסע מאַסע אָבער פון די פאַראָרימטע האַנטווערקער, קרעמער און קליינהענדלער האָבן שטיל געליטן, געלעבט אין שרעקלעכסטן דחקות און נויט, וועלכע זיינען דערגאַנגען ביז הונגער. אָבער פיל, פיל צענדליקער פאַמיליעס האָבן ממש געהונגערט, ניט זעענדיק טעג און וואָכן אין די אויגן אַ שטיקל ברויט אָדער קאַרטאָפל. די סימנים פון הונגער האָבן זיך באַלד באַוויזן אויף דער גאַס, וואו געשוואָלענע מענער, פרויען און קינדער, מיט אָנגעדראָלענע, געלבע פנימער און מיט בלישטשנדיקע אויגן פון הונגער, האָבן זיך געבלאָנקעט, קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס פון שוואַכקייט, פון שטוב צו שטוב, בעטלענדיק אַ ביסן ברויט אָדער אַ לעפל געקעכטס.

איך האָב דאַן געקאָנט די גאַנצע אָרימקייט יעדערן אין געזיכט און ביים נאָמען, צוליב מיין אַרבעט אין קאָמיטעט, וועלכער האָט פאַרטיילט די געלט פון בערלינער הילפס·פאַראיין. און אין יענעם שרעקלעכן ווינטער פון יאָר 1919 בין איך געווען אַן עדות פון דעם, ווי זיי זיינען צענדליקערווייז, איינער נאָכן צווייטן, אַלט, יונג און אין מיטעלע יאָרן, אומגעקומען פון הונגער. מערקווירדיק איז געווען דאָס, וואָס די געזינטערע און שטאַרקערע זיינען געווען ווייניקער ווידערשטאַנדספעאיק קעגן דעם הונגער, ווי די שוואַכערע, און זיינען גיכער אומגעקומען.

אין די אויבנדערמאָנטע שטעטלעך פון נאָוואָגרודקער געגנט איז דער מצב געווען אַ ביסל בעסער ווי אין נאָוואָגרודאָק גופא, צוליב דעם, וואָס די איינוואוינער האָבן געהאַט אַ ביסל אָנגעגרייטע פּראָדוקטן, יעדערער פאַר זיך, פון די, וואָס זיי האָבן זומער אַליין געזייט. אויך די באָלשעוויסטישע מאַכט, זעענדיק אין וואָס פאַר אוממענטשלעכע באַדינגונגען זיי לעבן, האָט זיי ניט געדריקט מיט אונטערזוכונגען און קאָנפיסקאַציעס. אין אַלגעמיין איז אָבער אויך דאָרטן די לאַגע געווען שווער, און פאַרשיידענע אָנשטעקנדיקע מחלות האָבן דאָרט געהערשט ניט ווייניקער, ווי אין נאָוואָגרודאָק.

.4

קורץ פאַרן אָפּטרעטן פון די באָלשעוויקעס זיינען געעפנט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישע מאַכט 2 שולן פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: פאַר דער יידישער און פוילישער. די לערער, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, זיינען באַפרייט געוואָרן פון זייערע שטעלעס, כדי זיי זאָלן קענען אַרבעטן אין שול.

פאַר דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט דער גרעסטער טייל קינדער אין שטאָט ניט באַקומען קיין לערע. עס איז געווען אָפן אַ פּראָגימנאַזיע פאַר מיידלעך מיט דער רוסישער אונטעריכטס·שפּראַך און העברעאיש אַלס למוד, אויך אַ האַלבער צענדליק חדרים, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן מיט נסים. שפּעטער האָט זיך געעפנט אַ יידיש·רוסישע שול אויך פאַר יינגלעך. אָבער די שטאָטישע אָרימקייט, ווי אויך די הימלאָזע, וואָס האָבן דעמאָלט אויסגעמאַכט דעם רוב מנין פון דער באַפעלקערונג, האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו צאָלן שכר-למוד פאַר זייערע קינדער. אויך האָבן די קינדער ניט געהאַט קיין זאַכן און שיך, וואָס האָט זיי געשטערט צו באַזוכן אַ שול.

די ניי·געעפנטע יידישע שול, אין וועלכע דער למוד איז געווען אומזיסט, איז גלייך פאַרפלייצט געוואָרן מיט קינדער. די צאָל זייערע האָט דערגרייכט ביז 300. די קינדער פלעגן קומען אין שול אָרומגעוויקלט אין שמאַטעס און אין הילצערנע „טריפּעס" (אַ הילצערנע פאַדעשווע, אָרומגעשלאָגן מיט שטיקלעך לעדער). דער לאָקאַל איז געווען ניט קיין גרויסער, און די לופט אין די קלאַסן אין דער צייט פון די לעקציעס, צוליב די אומריינע זאַכן און וועש פון די קינדער, פלעגט זיין אַ שרעקלעכע. די קינדער זיינען געווען זייער אָפּגעשוואַכט פון דער שלעכטער דערנערונג אין די שלעכטע וואוינונגס·פאַרהעלטענישן. עס זיינען געווען פאַלן, ווען קינדער האָבן געחלשט אין שול פון שוואַכקייט און הונגער. די קינדער האָבן ניט געהאַט ניט קיין ביכער, ניט קיין פּאַפּיר און פעדער. עס פלעגן טאַקע ניט פאָרקומען קיין למודים אין דעם אייגנטלעכן זין פון וואָרט. די לערער פלעגן פאַרנעמען די קינדער מיט שמועסן, דערציילונגען, שפּילן. זיי האָבן זיך באַמיט די דערשלאָגענע און פאַראומערטע קינדער אַ ביסל אויפמונטערן און אויפלעבן, כדי צו מאַכן זיי פאַרגעסן אין די עטלעכע שעה, וואָס זיי פאַרברענגען אין שול, אָן זייער אָרימע און עלנטע היים.

פאַרן אָפּטרעטן האָט די באָלשעוויסטישע מאַכט אויסגעצאָלט די לערער זייער געהאַלט פאָראויס פאַר 2 חדשים, און אויך איבערגעלאָזט אַ באַוואוסטע סומע געלט אויף די איבעריקע הוצאות פון דער שול. די אָנגעקומענע פוילישע מאַכט האָט אויך ניט געשטערט דער ווייטערדיקער פונקציאָנירונג פון דער יידישער שול, וועלכע האָט נאָרמאַל פאַרענדיקט איר ערשטן שול·יאָר.

.5

דעם 18·טן אַפּריל 1919 האָט דאָס פוילישע מיליטער פאַרנומען נאָוואָגרודאָק, און דעם 18·טן און 19·טן אויך אַלע שטעטלעך און די גאַנצע געגנט ביז דעם פריערדיקן דייטשיש - רוסישן פראָנט. דאָרטן זיינען די פוילישע געבליבן שטיין ביז אינמיטן זומער 1919.

ביים איבערגיין פון איין האַנט אין דער צווייטער האָט נאָוואָגרודאָק און די איבעריקע אָרומיקע שטעטלעך נאָר ווייניק געליטן. מער פון אַלעמען האָט געליטן קאָרעליטש, וואו ביי דער קליינער יידישער באַפעלקערונג זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען כמעט אַלע פערד און קי.

די לאַגע איז געוואָרן עטוואָס בעסער. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן מער שפּייז·פּראָדוקטן, איבערהויפּט מעל, וועלכע מען האָט צוגעפירט פון גראָדנער קאַנט. אָבער די פּרייזן זיינען געווען מוראדיק הויכע (אַ פונט ברויט האָט דאַן געקאָסט איבער 4 רובל, ד. ה. ביי דעמאָלטיקן קורס, כמעט אַ $^1/_2$ דאָלאַר). די אַרבעטסלאָזיקייט איז אויך ניט געוואָרן שוואַכער. דערצו איז די געזעלשאַפטלעכע אינציאַטיוו געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, און אין שטאָט זיינען ניט געווען קיין קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס צו לינדערן די נויט. די אָרימע באַפעלקערונג האָט ווייטער געליטן און געהונגערט.

ביי מיר איז פאַרבליבן אין זכרון דאָס בילד פון די גרופּעס הונגעריקע מענטשן, וועלכע פלעגן שטיין אין די גאַסן און מיט אָנגעצונדענע אויגן זיך צוקוקן צו די גרויסע אָפענע לאַסט·אויטאָמאָבילן, פול באַלאָדענע מיט ווייסע לאַבנס ווייצענע ברויט, וועלכע מען פלעגט פירן פאַרן פוילישן מיליטער צום פראָנט. פלעגט אַמאָל אַראָפּפאַלן בעתן גיכן גיין פון אויטאָמאָביל אַ לאַבן,

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

פלעגן זיך אַ וואָרף טאָן אויף אים אַ מענגע מענטשן, ווי הונגעריקע וועלף. גליקלעך פלעגט זיך פילן דער, וועמען עס האָט אָפּגעגאַלטן צו העלפן ביים אויסלאָדן פון אַזאַ אַוטאָמאָביל און באַקומען פאַר זיין אַרבעט אַ שטיקל ברויט.

וועגן דעם, אַז אין ווילנע פונקציאָנירט אַ קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון דער מלחמה, האָבן מיר לאַנג ניט געוואוסט. די קאָמוניקאַציע מיט ווילנע איז געווען כמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. אָבער צום סוף יוני 1919 האָבן מיר באַקומען אַ מעלדונג פון לידע, אַז דאָרטן איז דערהאַלטן געוואָרן פאַר נאָוואָגרודאָק פון ווילנער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" 10.000 מאַרק. דער נאָמען פון קאָמיטעט, זיין כאַראַקטער און אַרט טעטיקייט איז אין נאָוואָגרודקער געגנט דאַן נאָך געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

אינגיכן איז מען געקומען אין אַ קאָנטאַקט מיט „יעקאָפּאָ" דורך אַרויסגעשיקטע פאָרשטייער אין ווילנע, וועלכע האָבן צוגעשטעלט באַריכטן וועגן די לאַגע אין נאָוואָגרודאָק און אין די אַרומיקע שטעטלעך. „יעקאָפּאָ", וועלכע האָט דאַן געאַרבעט אויסשליסלעך אין ווילנער קאַנט, האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען אין איר געביטס-טעטיקייט אויך דעם נאָוואָגרודקער ראַיאָן. עס איז נאָר געשטעלט געוואָרן דער תנאַי, אַז עס זאָלן אין אַלע ערטער פון דעם ראַיאָן געשאַפן ווערן געוויילטע קאָמיטעטן, אין וועלכע עס זאָל זיין פאַרטראָטן די גאַנצע באַפעלקערונג.

אין נאָוואָגרודאָק איז דאַן געשאַפן געוואָרן דער יידישער קאָמיטעט פון 24 מיטגלידער. קיין אמתע וואַלן האָט מען אין יענעם מאָמענט ניט געקענט דורכפירן, און דער קאָמיטעט איז געבילדעט געוואָרן נאָר צייטווייליק. ער האָט אָבער אין די 3 חדשים פון זיין פונקציאָנירונג אָפּגעטאָן אַ גרויסע וויכטיקע אַרבעט. ניט נאָר פראַגן, וועלכע האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט דער רעטונגס-אַקציע פאַר דער נויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג, אויף וואָס עס ווינען גרעסטנטייל געווען באַשטימט די סומעס געלט פון „יעקאָפּאָ" אין זומער 1919, אָבער אויך אַלע אַנדערע פראַגן פון יידישן לעבן אין שטאָט, קולטורעלע און פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע, זיינען באַהאַנדלט געוואָרן און געפונען זייער לייזונג אויף די זיצונגען פון קאָמיטעט. פון זיי די וויכטיקערע: דאָס דורכפירן די וואַלן צום ערשטן געוויילטן שטאָטראָט, אין וועלכן די יידן האָבן אַריינגעפירט 14 ראַטמענער אויף דער אַלגעמיינער צאָל 24; די דורכפירונג פון די וואַלן צו דער ערשטער יידישער דעמאָקראַטיש-געוויילטער קהילה אין סעפּטעמבער 1919; רעגיסטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און אָרגאַניזירונג פון דער פּראָווינץ. דורכן קאָמיטעט זיינען אונטערגענומען געוואָרן אויך די ערשטע פּרובן פון זעלבסטהילף, דורך באַשטייערונגען פון די פאַרמעגלעכערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג לטובת דער רעטונגס-אַקציע, ווי אויך פאַר פאַרשיידענע וואוילטעטיקע מוסדים אין שטאָט. מיט דער הילף פון קאָמיטעט האָבן זיך אָנגעהויבן אין שול-יאָר 1919—20 די למודים אין דער יידישער פאָלקס-שול און אין דער שטאָטישער „תלמוד-תורה".

6.

אין יולי 1919 איז אַראָפּגעקומען אין נאָוואָגרודאָק אַ מיסיע פון „אַמעריקאַנער רויטן קרייץ" אויף צו פאַרטיילן זאַכן און פּראָדוקטן צווישן דער אָרימער באַפעלקערונג. די מיסיע איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון אַן אַמעריקאַנער פרוי, דאָקטאָר מוריי.

צום בנין, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ לאַגער פון דער מיסיע, האָט מען גענומען ברענגען אויף אומגעהויערע אָבאָזן פון פויערישע פורן פון דער באַן גרויסע פעק זאַכן און פּראָדוקטן. דערביי האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן די מאַנגלהאַפטע אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער זאַך. עס איז ניט געווען קיין גענוגנדע שמירה ביים אויסלאָדן די פורן, און מען האָט געגנבעט אויף וואָס די וועלט שטייט.

די אָנפירערין פון דער מיסיע האָט צוגעצויגן פאָרשטייער פון דער פּוילישער, יידישער, רוסישער און טאָטערישער באַפעלקערונג צו דער אַרבעט. די פאָרשטייער פון יעדער נאַציאָנאַליטעט האָבן געבילדעט אַ באַזונדער קאָמיסיע, וואָס האָט באַשטימט, וועלכע פאַמיליעס דאַרפן פון דער באַטרעפנדער נאַציאָנאַליטעט באַקומען זאַכן און פּראָדוקטן. יעדע קאָמיסיע האָט באַקומען אין רשות אַ געוויסע צאָל בלאַנקען געשטעמפּלטע דורך דער מיסיע, וועלכע זי האָט אויסגעפילט פאַר יעטווידער אָרימער משפחה און גענוי אויסגערעכנט, וואָס זי דאַרף באַקומען: קליידער אַליין, פּראָדוקטן אַליין אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען.

ביז אַהער איז אַלץ געגאַנגען גוט. די צרה איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט באַשטימט אין פאַרהעלטעניש צו דער גאַנצער צאָל, זייער ווייניק יידישע מקבלים. פלעגן טאָקע די יידן כמעט ווי גאָרניט באַקומען. אויסערדעם, האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות פון די אָרדנער. יידן זיינען שרעקלעך באַעוולט געוואָרן אין דער ריי, וואו מען פלעגט זיי מסדר אָפּשטופּן אויף די הינטערשטע ערטער. דערביי פלעגט מען אָפט כאַפּן אַלס אַ צוגאָב קלעפּ.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אויפגעבראַכט. אין יענער צייט איז די פראַגע צו באַקומען אַ ביסל וועש און קליידונג געווען פאַר אַ פולע אַ לעבנס-פראַגע. דער יידישער קאָמיטעט האָט דעריבער באַשלאָסן צו אינטערווענירן וועגן דעם ביי דער מיסיע.

ניט די דעלעגאַציע, וואָס איז געגאַנגען אין נאָמען פון קאָמיטעט, און ניט אַ שריפטלעכע ווענדונג האָבן ניט אויסגעפועלט, אַז פאַר די יידן זאָל מען אַרויסגעבן באַזונדער אַ קוואַנטום פּראָדוקטן און זאַכן אין רשות פון קאָמיטעט, וועלכער וועט זיי פאַרטיילן. אָנגעפירט מיט דער דעלעגאַציע און אונטערגעשריבן די ווענדונג צו דער מיסיע האָט מ. וואַגער, דער פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט.

נאָך דעם דאָפּלטן אָפּזאָג האָט דער זעלביקער מ. וואַגנער אָפּגעשיקט צו דער מיסיע אַ צווייטע שריפטלעכע ווענדונג, וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן אין זייער אַ שאַרפן טאָן. ער האָט אין איר באַטאָנט, אַז די יידן האָבן דאָס רעכט צו באַקומען אויף זייער חלק פון די אַמעריקאַנער מתנות ניט ווייניקער ווי וועלכע עס איז אַנדערע נאַציאָנאַליטעט, ווייל די באַטייליקונג פון אַמעריקאַנער יידנטום אין דער פּראָדוקטן- און קליידער-אַקציע איז ניט פון די קלענסטע. ער האָט שאַרף געטאַדלט דאָס גראָבע פאַרהאַלטן זיך פון די אָרדנער צום פּובליקום, אויך דאָס, וואָס די פאַרטיילער מאַכן זיך אַ שפּיל פון דעם, וואָס די וואַרפן אַרונטער פון צייט צו צייט דורך די פענסטער אין גאַס אַריין היטלען אָדער אַנדערע ניטיקע זאַכן, אויף וועלכע דער עולם וואַרפט זיך ווילד און מען רייסט זיך און שלאָגט זיך פאַר דעם, ווי הינט. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער באַליידיקונג פון דער מענטשנווערדע.

ליידער אָבער האָט דער יידישער קאָמיטעט אין דער פראַגע גאָרניט ניט געקענט אויפטאָן. מ. וואַגנער איז פּלוצלונג, נאָך אַן אינטערזוכונג אין זיין וואוינונג, וועלכע האָט ניט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן, געוואָרן אַרעסטירט און אָפּגעפירט פריער אין באַראַנאָוויטש און נאָכדעם, אין אַ פּאָר טעג אַרום, אין

אין אומבאַוואוסטער ריכטונג. די אַלע שריט, וואָס דער יידישער קאָמיטעט האָט אָנגענומען, כדי צו דערגיין דעם אָרט פון זיין פאַרשיקונג, האָבן ניט געהאַט קיין שום ערפאָלג. צופעליק, פון אַ נאָטיץ אין מינסקער יידישער צייטונג „דאָס פאָלק", איז אין 3 חדשים אַרום באַוואוסט געוואָרן, אַז מ. וואַגער געפינט זיך אין געפאַנגען לאַגער אין קאָוועל. נאָך אַ לענגערער השתדלות איז ער אין 4 חדשים נאָך זיין אַרעסט באַפרייט געוואָרן פון דעמבלינער געפאַנגען לאַגער, וואוהין ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון קאָוועל. אין דער צייט פון זיין פאַרשיקונג איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אונטער די אויגן אַלס מיטגליד און נאָכדעם אַלס פאָרזיצער פון דער ערשטער דעמאָקראַטיש-געוויילטער יידישער קהילה אין נאָוואָגרודאָק און אויך אַלס ראַטמאַן צום שטאָטראַט.

.7

אין די שטעטלעך לובטש, קאָרעליטש, דעליאַטיטש און נייסטאָט האָט זיך די לאַגע פאַרן זומער 1919 ווייניק וואָס פאַרענדערט. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך כמעט ניט פאַרגרעסערט. די באַדינגונגען פאַרן באַזעצן זיך פון נייע משפחות זיינען געוואָרן זייער שווער צוליב דער נאָענטקייט, אין וועלכער די שטעטלעך האָבן זיך געפונען צום פויליש-באָלשעוויסטישן פראָנט. די פוילישע מיליטערישע מאַכט, למשל, האָט ניט דערלאָזן צו דער צעשטערונג פון די דייטשע אָקאָפעס, וועלכע האָבן צוגעשטעלט האָלץ און ברעטער, ציגל און אייזנס, פאַרטיקע פענסטער און טירן, צעמענט-בלאָקן און אייזערנע באַלקנס די צוריקגעקערטע היימלאָזע פאַר זייערע בנינים, אין דער צייט ווען אין זומער 1918 האָבן די דייטשע סאָלדאַטן געמאַכט מיט דעם אַ גאַנצן מסחר. פאַר ניט קיין גרויסע געלט פלעגן די יידן אָפקויפן ביי זיי גרויסע און גוט אויסגעבויטע אָקאָפעס. אָפטמאָל פלעגן די דייטשן נאָך צוהעלפן ביים פונאַנדערנעמען פון די אָקאָפעס, וואָס עס איז געווען אַ שרעקלעך שווערע אַרבעט, אויך ביים אָפפירן דעם מאַטעריאַל צום אָרט. אויסערדעם האָט די באַפעלקערונג אין די שטעטלעך געליטן פון איינקוואַטירונגען וכדומה אַנדערע שוועריקייטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן לעבן פון דער ציוויל-באַפעלקערונג אויפן פראָנט.

ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן, האָבן די קליינע יידישע ישובים אין די דערמאָנטע שטעטלעך עקשנותדיק געקעמפט פאַר זייער קיום און פאַרפעסטיקט זייער מצב. יעדער איינער האָט געזאַמלט בוי-מאַטעריאַלן שטיקל צו שטיקל און מיט אייגענע הענט, כמעט אָן געלט, גערעמאָנטירט און געבויט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן. מיט לייב און לעבן האָט מען זיך איבערגעגעבן דער ערד-אַרבעט. מען האָט אויסגעריסן די פאַרלאָזענע און פאַרוואַקסענע ערד פשוט מיט די פינגער, מען האָט פאַרזייט זומער-תבואות, קאַרטאָפל און גרינסן, און מען האָט צוגעגרייט דעם באָדן אויף זייען ווינטערקאָרן. מען האָט זיך באַמיט צו פאַרגרעסערן דעם לעבעדיקן אינווענטאַר דורך אויסהאָדעווען יונגע פי.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס לעבן אין די שטעטלעך איז געווען זייער שווער, און אַז די באַפעלקערונג זייערע האָט אין זומער 1919 געמוזט אויסשטיין אַ שרעקלעכע נויט און האָט זייער שווער געליטן פון עפידעמישע מחלות. אַלס אַ צוגאָב זיינען געווען די אומגעוויינלעך שלעכטע דירות אין די אָקאָפעס, שטאַלן און סתם חורבות.

אַז עס זיינען אין אָנהויב זומער 1919 אָנגעקומען פאַר די שטעטלעך די ערשטע געלט-סומעס פון „יעקאָפאָ", זיינען דאָרטן געבילדעט געוואָרן קאָמיטעטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער הילפס-טעטיקייט. אין זייער אַרבעט זיינען זיי קאָנטראָלירט געוואָרן פון דעם „נאָוואָגרודקער יידישן קאָמיטעט", דורך וועלכן זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט „יעקאָפאָ", און וועמען זיי האָבן צוגעשטעלט פעריאָדישע באַריכטן וועגן דער לאַגע אין די שטעטלעך און וועגן זייער טעטיקייט. די אָרטיקע קאָמיטעטן האָבן זיך גלייך גענומען צום אָרגאַניזירן מעדיציניש-סאַניטאַרע הילף פאַר דער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך און צו דער גרינדונג פון חדרים פאַר די קינדער פון שול-עלטער. כאָטש אין דער ערשטער צייט זיינען די געלט-סומעס פון „יעקאָפאָ" געווען באַשטימט אויסשליסלעך אויף דערנערונגס-צוועקן, פונדעסטוועגן האָבן די אָרטיקע קאָמיטעטן פון די געלט אַרויסגעגעבן שטיצעס אויף רעמאָנטן און בויען אין די נויטיקסטע פאַלן. די דאָזיקע אָרטיקע קאָמיטעטן האָבן גוט געאַרבעט און האָבן אויך נאָכדעם, אין די יאָרן 1920—1923, פיל מיטגעהאָלפן צו דער ערפאָלגרייכער דורכפירונג פון דער גרויסער אויפבוי-אַקציע, וועלכע „יעקאָפאָ" האָט אונטערגענומען אין די שטעטלעך, און אַדאַנק וועלכער די שטעטלעך האָבן זיך אָפגעבויט אויף 75 פראָצ. פון זייער פאַר דער מלחמהדיקער גרויס.

.8

נאָוואָגרודאָק האָט זיך אין יענער צייט אויסגעצייכנט מיט איר ברייטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף ריין דעמאָקראַטישע יסודות. אין דער שפיץ פון אָט דער טעטיקייט, וועלכע האָט אַרומגענומען נאָוואָגרודאָק גופא, ווי אויך דעם נאָוואָגרודקער ראַיאָן, זיינען געשטאַנען צוויי פערזאָן: מ. (מנחם) וואַגער און דוד כהן, וועלכע זיינען ווערט צו דערמאָנט ווערן מיט אַ פאָר ווערטער.

מ. וואַגערס נאָמען איז שוין געבראַכט געוואָרן פריער, אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָנפליקט פון יידישן קאָמיטעט מיט דער אַמעריקאַנער מיסיע. ער איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט פון קיעווער פאָליטעכניקום, וועלכער איז צוליב די מלחמה-געשעענישן פון 1915 פאַרבליבן אין נאָוואָגרודאָק. אַ דעמאָקראַט לויט זיינע איבערצייגונגען, וועמען די אינטערעסן פון דער יידישער מאַסע איז געווען נאָענט צום האַרצן, ערלעך, אָן אַ שאָטן פון זעלבסטנוצן, גראָד, ווירדיק און, ווען ס'איז נויטיק, אויך פעסט איז זיינע האַנדלונגען, האָט ער גענאָסן דעם פולסטן צוטרוי און אַכטונג פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נאָוואָגרודאָק. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער דייטשער אָקופאַציע איז ער געווען איינער פון די טיכטיקסטע מיטגלידער פון בירגער-קאָמיטעט. ער איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד פון אמונה און נאַציאָנאַליטעט. ער האָט זי מוטיק געשיצט קעגן די אַלע שווערע גזירות פון דער דייטשער אָקופאַציע-מאַכט, ווי צוואַנגס-אַרבעטן, צוואַנגס-שטייערן, פאַרשיידענע קאָנפיסקאַציעס און רעקוויזיציעס וכדומה, און ער האָט פיל מיטגעהאָלפן צו זייער פאַרלייכטערונג. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט ווי געהעריק אָפגעשאַצט זיין טעטיקייט לטובת דער שטאָט, ווי זי האָט דאָס אויך אַרויסגעוויזן שפעטער ביי זיין אַרעסט: פאָרשטייער פון די 3 נאַציעס, וועלכע, אויסער די יידן, באַוואוינען נאָוואָגרודאָק, האָבן גערן אונטערגעשריבן ווענדונגען צו דער מאַכט וועגן זיין באַפרייאונג.

זיין האַלטונג קעגן די פאַרשיידענע מאַכטן איז שטענדיק געווען אַ ווירדיקע און שטאָלצע. ווען נאָכן בריסקער שלום האָבן די דייטשן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אידעע פון בופערשטאַטן, און צו דעם צוועק האָבן זיי צוזאַמענגערופן

זומער 1918 אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די פאָרשטייער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס וואוינען אין נאָוואָגרודאָק, כדי צו באַשליסן וועגן דער אָנגעהעריקייט פון דעם נאָוואָגרודקער קאַנט צו ליטע, איז מ. וואַגער געווען דער איינציקער, וועלכער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, און האָט אויפגעוויזן, אַז ניט עטנאָגראַפיש, ניט פּאָליטיש און קולטורעל האָט דער נאָוואָגרודקער קאַנט קיין אַלגעמיינעס ניט מיט ליטע. וועגן דעם קאָנפליקט מיט דער אַמעריקאַנער מיסיע און וואָס מ. וואַגער האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר דעם — איז שוין פריער באַשריבן געוואָרן.

ניט פון קיין קלענערער באַדייטונג איז אויך געווען די טעטיקייט פון מ. וואַגער אַלס פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט, און נאָכדעם, נאָך זיין באַפרייאונג, אַלס פאָרזיצער פון דער ערשטער יידישער קהילה אין נאָוואָגרודאָק. ער האָט אַדאַנק זיין פּערזענלעכקייט און די אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער אַריינגעטראָגן אין דער גאַנצער אַרבעט אַן עלעמענט פון אָנשטענדיקייט, אומאייגננוציקייט און איבערגעגעבנקייט צו די כלל ענינים. אַלס פאָרזיצער האָט ער געפירט די זיצונגען שטרענג אָביעקטיוו, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שוואַכקייט אין די מיינונגען און האָט זיך ניט באַמיט נושא חן צו זיין ביי וואָסער עס איז צד.

די אָנטיילנעמער אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע אין 1919 יאָר מוזן נאָך געוויס געדענקען דעם פאָרשטייער פון נאָוואָגרודאָק, דוד כהן, אַ הויכן יונגנמאַן מיט ברייטע פּלייצעס און מיט עטוואָס אַ הייזעריקער שטימע, וועלכער פלעגט אין די דעבאַטן שטענדיק נעמען דער ערשטער דאָס וואָרט און טעמפּעראַמענטפול און בילדלעך ריידן. איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען נאָוואָגרודאָק איז ער דאָרט געווען אַ העברעאישער לערער. לויט זיין פּאַרטיי-אָנגעהעריקייט איז ער געווען אַ צעירי-ציון, און ער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעט אין נאָוואָגרודאָק. ניט קוקנדיק אויף דעם, איז ער געווען באַליבט ביי דער גאַנצער נאָוואָגרודקער יוגנט, אַפילו פון די לינקערע ריכטונגען, און ער האָט אויף איר געהאַט ניט קיין קליינע השפעה. די ליבע און די השפעה האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער אייגנשאַפט פון זיין וועזן, וועלכער איז געווען האַלב ערנסט, האַלב לייכט, שטענדיק אויפגעלייגט און פון אַ גוטן הומאָר, באַהערשט פון אימפּולסן און מיט אַ קאָפּ פול מיט פאַנטאַזיעס און פּלענער. אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט ער אַריינגעבראַכט לעבן און באַוועגונג, קאַמף און אָפּאָזיציע. אָבער אַלע האָבן געפילט, אַז אָן דוד כהנס אָנטייל אין די קהילה-זיצונגען און אָן זיינע אַרויסטרעטונגען, וואָלטן זיי אויסגעקוקט לאַנגווייליק און וואָלטן פאַרלאָרן זייער אינטערעס. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט זעלבסט האָט באַקומען אַ צוציאונגס-קראַפט פאַר דער יוגנט נאָר אַדאַנק דוד כהנען, וועלכער האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדער טעמפּאָ און אַריינגעבראַכט אין איר אַ מין חסידישן ברען. אָבער ניט נאָר אין דעם איז באַשטאַנען זיין פאַרדינסט פאַר דער געזעלשאַפטלעכקייט. ער האָט געשאַפן אין נאָוואָגרודאָק פאַרשיידענע וויכטיקע מוסדים, פון וועלכע אייניקע פונקציאָנירן נאָך עד היום.

אין ווינטער פון 1916, וועלכער איז געווען זייער אַ שווערער פאַר דער אָרימער באַפעלקערונג, איז לויט זיין איניציאַטיוו געגרינדעט געוואָרן דער „קינדערהיים" (איצט בית-יתומים), אין וועלכן עס האָבן זיך אין די ערשטע יאָרן אויפגעהאַלטן איבער 60 יתומים. אַ מייסטער אויף איינצואָרדענען פייערלעכקייטן, האָט ער די עפענונג פון „קינדערהיים" דורכגעפירט מיט אַזאַ פּאָמפּע, אַז אויף אַן אָרט זיינען געשאַפן געוואָרן באַדייטנדע געלט-מיטלען. דער עיקר אָבער איז געווען וויכטיק דער אינטערעס, וועלכן ער האָט דערוועקט פאַרן מוסד צווישן דער באַפעלקערונג און ביי דער דייטשער מאַכט: ווי די ערשטע, אַזוי די לעצטע האָבן נאָכדעם אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס אונטערצוהאַלטן זיין קיום. אַ גרויסע גרופּע פון דער יוגנט, אָרגאַניזירט דורך ד. כהן און אָנגעפירט דורך אים, האָט אומדערמידעט געאַרבעט אין און פאַרן „קינדערהיים" און מלב ונפש געווען איבערגעגעבן דעם מוסד. דאָס פּראָגראַם פון די אָוונטן, וועלכע עס פלעגן פאָרקומען לטובת דעם „קינדערהיים", פלעגט איינגאַנצן אויספילן ד. כהן מיט דורך אים אויפגעשריבענע לידער, קאָמעדיעס א. ד. גל., וועלכע פלעגן געגעבן ווערן פאַרן עולם. אַ צייט לאַנג איז ער אויך געווען לערער און דערציער אין דעם אַנשטאַלט.

פאַר די באָלשעוויקעס איז ער געווען דער הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער פאָלקס-שול, אין וועלכער ער איז נאָכדעם געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּעדאַגאָגישע כוחות, צו וועמען די קינדער האָבן געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי און ליבע.

אין זומער 1919 האָט ער אָרגאַניזירט דעם „רויטן מגן-דוד", וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו געבן דער אָרימער באַפעלקערונג מעדיצינישע הילף און פלעגע. אַדאַנק די יונגע כוחות, וועלכע ער האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט, האָט דער אַנשטאַלט אויסגעצייכנט ערפילט זיין אויפגאַבע.

ער איז אויך געווען דער הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פון דער „קינדער-קיך" און דער „קיך פאַר דערוואַקסענע", האָט געאַרבעט אויך אין די איבעריקע אַנשטאַלטן פון שטאָט. אומעטום איז ער געווען נייטיק אַלס די קראַפט, וועלכע האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט נייע ענערגיע און פרישקייט אין די אַלע פאַרוואַלטונגען פון די פאַרשיידענע אַנשטאַלטן.

צום סוף מוז נאָך דערמאָנט ווערן די אָרגאַניזירונג פון דער נאָוואָגרודקער פּראָווינץ, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט זיין דירעקטער מיטהילף און באַטייליקונג.

סיי מ. וואַגער, סיי ד. כהן האָבן צוליב פּערזענלעכע טעמים אין זומער 1920 פאַרלאָזן נאָוואָגרודאָק.

שלום כהן.

די פונקטן פון נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע, וואו „יעקאָפּאָ" האָט געפירט זיין טעטיקייט.

איוויע, איווענעץ, אָסטרין, איישישעק, אָרלאָווע, בעליצע, ביניאַקאָן, באָריסאָווקע, באַראַנאָוויטש, ביטען, דערעטשין, האָראָדישטש, האָראָדזיי, וואָראָנאָווע, ווישנעווע, וואָלמע, וואָלאָזשין, וואַסילישעק, זשעלודאָק, זשעטל, טורעץ, טראַב, ליפּנישעק, ליובטש, לידע, ליאַכאָוויטש, מאָלטשאַדז, מיר, נעסוויזש, נאָוואָגרודאָק, ניישטאָט, נאָווידוואָר, נאָוואָ-סווערזשען, סלאָנים, סטויבץ, פּאָלאָנקע, קאָרעליטש, ראַדון, ראַזשאַנקע, שטשוטשין.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

UB

DFG

אייניקע מאָמענטן פון דער יתומים־אַרבעט אין ווילנער געגנט.

אַדוו. א. גומענער (נאָוואָגרודעק)

פּרעזיצער פון דער געוו. קאָלעגיע פון ד. ד. ק.

פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג אין פּוילן.

ווען די יתומים־אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. איז צוגעטראָטן אין יאָר 1921 צו אָרגאַניזירן די יתומים־אַרבעט אין פּוילן האָט זי פאַר זיך געהאַט 2 פּראָבלעמען: אַוועקשטעלן זייער ברייט, אַלנפאַלס אין אַזאַ ברייטן מאַסשטאַב צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן, די קינדער־פאַרזאָרגונג (יתומים־אַרבעט) — און אַריינציען אין דער אַרבעט די ברייטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, צוגרייטנדיק אַ באָדן, כּדי אין דער צוקונפט זאָל די אָרטיקע געזעלשאַפט אַליין איבערנעמען די אַרבעט.

בנוגע דער ערשטער פראַגע זיינען קיין באַזונדערע שוועריקייטן ניט געווען אין ווילנער געגנט. מען האָט נעדאַרפט זיך באַמיען אין דער ערשטער ריי אונטערשטיצן די קינדער, זען אַז די פאַרלאָזענע יתומים זאָלן אָנהייבן באַזוכן שולן, זאָלן זיין אָנגעטאָן. צוזאַמען מיט „אָזע" האָט „יעקאָפּאָ" אָרגאַניזירט זומער־קאָלאָניעס.

באַזונדערע שוועריקייטן האָט אָבער אַרויסגערופן דער צווייטער מאָמענט.

דער ד. ד. ק. האָט געדאַרפט צוטרעטן צו אָרגאַניזירן אַ ברייטע אַרבעט אין ווילנע, וואו די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז געווען זייער אַנטוויקלט און וואו עס האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדערער טאַקט, כּדי ניט אַרויסצורופן קיין שווערע קאָמפּליקאַציעס.

די ביוראָ פון יתומים־אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. איז נעגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1921. אָנגעפירט מיט איר האָט ח' ווערניק, וועלכער איז דאַן געווען דער פאַרטרעטער אויך פון דער היימלאָזע־אָפּטיילונג פון ד. ד. ק.

גלייך פון אָנהייב איז באַגאַנגען געוואָרן, לויט מיין מיינונג, אַ גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער פעלער, וועלכער האָט נאָכדעם זייער פיל געשטערט אין דער אַרבעט, און איך געפין דעריבער פאַר נויטיק זיך אויף דעם אָפּצושטעלן.

אומעטום פלעגן אָרגאַניזירט ווערן קרייז־קאָמיטעטן, וועמען עס איז געווען אונטערגעוואָרפן די שטאָט און די אומגעגנט. אין ווילנע איז געמאַכט געוואָרן אין דער היגניכט אַן אויסנאַם. צוליב אַ גאַנצער ריי טעמים איז אין ווילנע די אַרבעט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז די יתומים־אַרבעט אין שטאָט האָט אָנגעפירט אַ באַזונדערער, אַזויגערופענער שטאָטישער יתומים־קאָמיטעט, אומאָפּהענגיק פון „יעקאָפּאָ". צוליב דעם האָט אויך די יתומים־אָפּטיילונג ביי ד. ד. ק., אָרגאַניזירנדיק די אַרבעט אין ווילנער געגנט, געמוזט זיך פאַרבינדן מיט ווילנע־שטאָט באַזונדער. דאָס האָט געשאַפן זייער ניט קיין באַקוועמע לאַגע אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין, וועלכע האָט זיך טיילווייז, איבערהויפּט אין שטאָט ווילנע, אויך אָפּגערופן אויף דער אַרבעט.

זומער 1922, ווען איך בין געקומען פון די סובקאַרפּאַטן (אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואו איך האָב אָרגאַניזירט אַלס פאַרטרעטער פון ד. ד. ק. די יתומים־אַרבעט), האָב איך באַקומען אַ פאָרשלאָג פון ד. ד. ק. איבערנעמען די אָנפירונג מיט דער אַרבעט אין ווילנע. ח' ווערניק האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצופירן אויך מיט דער יתומים־אָפּטיילונג.

איך האָב צוליב אַ גאַנצער ריי טעמים, געזעלשאַפטלעכע און פערזענלעכע, ניט געפונען פאַר מעגלעך זיך אָפּצוזאָגן פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן און איבערנעמען ווילנער.

דאַן איז געשאַפן געוואָרן פאָלגנדער פּלאַן. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון ווילנער ראַיאָן, פאַרבלייבנדיק אין דער זעלבער צייט אַלס פאַרוואַלטער פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן.

אַלס מיין שטענדיקער פאַרטרעטער איז באַשטימט געוואָרן פאַר ווילנער געגנט ה' קאָראַלניק.

די ביוראָ פון דער יתומים־אָפּטיילונג ביים ד. ד. ק. אין ווילנע האָט זומער 1922 געהאַט זייער אַ געלונגענעם צוזאַמענשטעל. דער סעקרעטאַר איז געווען ה' כאַרלאַש, די אינסטרוקטאָרין פרוי ס. סטופּעל־קאַגאַן. מיט אַזאַ מין פּערסאָנאַל וואָלט מען געקענט זייער פיל אויפטאָן, נאָר צו באַדויערן, האָט ה' קאָראַלניק, זייענדיק אַ פרעמדער אין ווילנע, ניט געקענט שאַפן דעם געהעריקן קאָנטאַקט. פאַרשיידענע קלייניקייטן און רייבונגען, וועלכע האָבן ביי די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען, וואָס האָבן עקסיסטירט אין יענע יאָרן צווישן דעם ד. ד. ק. און די אָרטיקע טוער, זייער פיל געשטערט דער אַרבעט.

איך, צום באַדויערן, האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָפּגעבן פיל אויפמערקזאַמקייט דעם ווילנער ביוראָ — און די לאַגע איז דערגאַנגען אַזוי, אַז הערבסט 1922 האָט דער ד. ד. ק. געמוזט שליסן די ביוראָ אין ווילנע. פון יענעם מאָמענט ווערט געפירט אַ דירעקטער קאָנטאַקט פון יתומים־צענטראַלע פון ד. ד. ק. אין וואַרשע מיט „יעקאָפּאָ" באַזונדער און שטאָט ווילנע באַזונדער.

צווישן ד. ד. ק. און „יעקאָפּאָ" שטעלן זיך איין גאַנץ פריינדלעכע באַציאונגען, וועלכע ווירקן זייער פּאָזיטיוו אויף דער אַרבעט. דאָס איז נאָך מער צו באַוואונדערן, וואָס גראָד „יעקאָפּאָ" אין ווילנע איז געווען זייער פעדאַנטיש אין דער פראַגע פון אַווטאָנאָמישער אָנפירונג מיט דער אַרבעט.

„יעקאָפּאָ" האָט זיך די ערשטע צייט פאַרהעלטניסמעסיק ווייניקער פאַרנומען מיט דער יתומים־אַרבעט אַלס אַזעלכער. ביי „יעקאָפּאָ" איז דאָס געווען איינער פון די פיל צווייגן פון דער אַרבעט, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט. מיט דער צייט אָבער, אין פּראָצעס פון דער אַרבעט, ווערט דער אינטערעס פון „יעקאָפּאָ" צו דער פּראָבלעם גרעסער. און שוין אין די יאָרן 1923—1924 ווערן דורכגעפירט פון „יעקאָפּאָ" אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, איך וואָלט זאָגן זאָגאַר אַ היסטאָרישע. ווער עס קען עטוואָס אונזער קליין שטעטל, דער וועט מוזן מודה זיין, אַז מען וועט קיין זאַך ניט קענען אויפטאָן, כּל זמן מען וועט ניט אַרויספירן דעם פעאיקן קינד פון שטעטעלע און אים אַוועקשטעלן ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע ער זאָל קענען פאָלקאָם אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע כּוחות — און דאָס איז גאָרניט שווער אויסצופירן. מען דאַרף נאָר האָבן דעם געהעריקן ווילן און די מיטלען.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

דאָס האָט געטאָן „יעקאָפאַ“. הונדערטער קינדער פון פראָווינץ זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון די קליינע שטעטלעך און זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ווילנע, וואו חוץ אויסהאַלטונג און אַלגעמיינע בילדונג זיינען זיי ביי די וואַרשטאַטן פון פראָפעסיאָנעלע שולן און פריוואַטע מייסטערס צוגעגרייט געוואָרן צו אַ געזונטן פראָדוקטיוון לעבן.

זייער פיל האָט אויך „יעקאָפאַ“ איינגעטאָן פאַר די יתומים-הייזער פון ווילנער געגנט. ווי עס איז באַוואוסט, איז אין די רייען פון ד. ד. ק. ניט געווען קיין באַזונדערס גינסטיקע באַציאונג צו יתומים-הייזער, ערשטנס, ווייל ניט אומעטום זיינען די אַנשטאַלטן געשטאַנען אויף דער געהעריקער הייך און, צווייטנס, ווייל דער ד. ד. ק. האָט געהאַלטן, אַז ביי די אָרטיקע טוער איז פאַראַן אַ גרעסערע פיעטעט צו די אַנשטאַלטן און אַ קעלטערע באַציאונג צו די יתומים אין פריוואַטער אויפזיכט.

„יעקאָפאַ“ האָט שטאַרק פאַרטיידיקט די אַנשטאַלטן, ניט דערלאָזן צו אַ שנעלער רעדוקציע פון דער סובסידיע. אַדאַנק „יעקאָפאַ“ זיינען אויך אַסיגנירט געוואָרן גרעסערע מיטלען אויף רעמאָנטן, ווי אין נאָוואָגרודאָק, אָשמענע א. א.

איך וויל זיך נאָך אָפּשטעלן אויף דער באַציאונג פון „יעקאָפאַ“ צו דער קאָלעגיע פון ד. ד. ק. פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פוילן.

אין מאַי 1923 האָט ה׳ שאָהאַן, דער דירעקטאָר פון יתומים-אָפּטיילונג אין פוילן און באַפולמעכטיקטער פון אַמעריקאַנער „דזשוינט“, פאַרלאָזן פוילן און זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע. דאַן האָט דער ד. ד. ק. באַשלאָסן ניט דעלעגירן מער קיין אַמעריקאַנער און פאַרטרויען די אָנפירונג מיט דער אַרבעט די אָרטיקע טוער.

קיין געזעלשאַפט פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין צענטראַלן מאַסשטאַב איז נאָך דאַן ניט געווען און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן די אַרבעט אָרטיקע טוער, וועלכע זיינען געווען נאָך פון פריער באַקאַנט מיט זייער אַרבעט אויף דעם געביט. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן די קאָלעגיע פון ד. ד. ק.[*] און אינטערעסאַנט איז געווען די באַציאונג פון די אָרטיקע געזעלשאַפטן און די טוער צו דער קאָלעגיע. פאַר זיי איז נאָך געווען פאַרשטענדלעך, ווען אַן „אַמעריקאַנער“ האָט אַליין אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, אָבער „פשוטע“ אונזערע יידן — דאָס איז זיי ניט געפעלן געוואָרן.

און זייער אָפט זיינען געווען גאָרניט קיין געלונגענע אַרויסטרעטונגען מצד די טוער קעגן „קאָלעגיע“. איך ריר דאָ ניט אָן די פראַגע ווער איז געווען גערעכט — איך וויל נאָר אונטערשטרייכן דעם געזעלשאַפטלעכן מאָמענט אין דער פראַגע.

„יעקאָפאַ“ אָבער, וועלכע האָט פיל געקעמפט מיט די פאָרשטייער פון ד. ד. ק. — די אַמעריקאַנער — האָט לייכט געפונען אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער „קאָלעגיע“. די טוער פון „יעקאָפאַ“, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט דער מאָדערנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז „די קאָלעגיע“, אין וועלכע ס׳זיינען אַריין אָרטיקע טוער, — איז אַן איבערגאַנגס-פעריאָד צו דעם מאָמענט, ווען די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט וועט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער געזעלשאַפט, ניט קוקנדיק אויף דעם, פון וואַנען די מיטלען נעמען זיך.

די טוער פון „יעקאָפאַ“ האָבן געוואוסט אָפּצושאַצן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן מאָמענט, אַז עס איז ניט אַזוי לייכט איבערצוגעבן אַ גרויסע אַרבעט אין צופעליקע הענט — און דערמיט ערקלערט זיך זייער האַלטונג, ווען עס האָט געדאַרפט געגרינדעט ווערן דער פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס.

צום באַדויערן אָבער האָט די זייער אָרימע ווילנער פראָווינץ, וועלכע איז געווען צורואינירט הן פון דער מלחמה והן צושטערט פון פאַרשיידענע קאַטאַסטראָפעס, ניט געקענט גענוג מיטהעלפן „יעקאָפאַ“ ביי זיין גרויסער אַרבעט פון באַוואָרענען די פראָווינץ-קינדער מיט פאַך-בילדונג און צו פאַרטיפן און פאַרברייטערן די יתומים-אַרבעט אין איר איבערגיין אויף קינדער-פאַרזאָרגונג בכלל.

דער געדאַנק, אַז דעם קינד געהערט דער אויבנאָן, אַז מען דאַרף אָנשטרענגען די גאַנצע כחות כדי צוגרייכן אין דער שווערער איבערגאַנגס-צייט דעם צוקונפטיקן דור, — איז שוואַך אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון די פראָווינצער יידן.

א. גומענער.

די פונקטן פון ווילנער וואָיעוואָדסטווע, וואו „יעקאָפאַ“ האָט געפירט זיין טעטיקייט.

אָראַן, אָלשאַן, אָלקעניק, איגנאַלינע, אָשמענע, אָסטראָוויעץ, אָפסע, אילייע, ביסטריץ, בודסלאַוו, בראַסלאַוו, גודאָגאַי, גלובאָקע, דעווענישעק, דאָווגעלישעק, דוקשט, דאָלהינאָוו, דרויע, דיסנע, דונילאָוויטש, דעקשנע, דאָקשיץ, דרויסק, דובינאָווע, האָלופיטש, הערמאַנאָוויטש, האָראָדאָק, היידוצישעק, וואָרניאַן, וואָראַנאָווע, ווילייקע, ווידז, זאַסקעוויטש, זשופראַן, טורגעל, טראָק, טאַבאַרישעק, טורמאָנט, יאַשון, לוזשקי, לעבעדעווע, לינגמיאַן, לאַנדוואָראָווע, לינטופ, מיאָדל, מיכאַלישעק, מאָלאָדעטשנע, מיישעגאָלע, מיאָר, ניי-סווענציאַן, ניי-ווילייקע, נעמענטשין, סוויר, סאָל, סאָלעטשניק, סווענציאַן, סמאָרגאָן, פאָסטאָוו, פליסע, פאָדבראָדז, פאָדבערעזיע, פאָהאָסט, פאָראָפיאַנאָווע, קאָלטיניאַן, קימעלישעק, קורענעץ, קריוויטש, קאָבילניק, קענע, קרעווע, קראָסנע, קאָזיאַן, רודזישעק, ריכשאָן, ראָקאָוו, ראַדאָשקאָוויטש, שאַרקאָוושטשיזנע.

---

[*] זע אייבן, זייט 266.

ערינערונגען, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן

דער אָנהויב פון „יעקאָפּאַ"

(בלעטלעך זכרונות).

סענאַטאָר, ד"ר מעד. צמח שאַבאַד
פאָרזיצער פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאַ" אין ווילנע.

דער נאָמען „יעקאָפּאַ" איז פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע זכרונות פאַר צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס, וואָס האָבן איבערגעלעבט די לעצטע 15 יאָר פון דער מלחמה און נאָך דער מלחמה. ס'איז דעריבער גאַנץ ריכטיק דער געדאַנק פון די איניציאַטאָרן פון דעם דאָזיקן „פּנקס" — צו פאַרפעסטיקן אין דרוק אָט די אַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט „יעקאָפּאַ", און דאָס אַלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן דורך דער דאָזיקער געזעלשאַפט. די פאַרגאַנגענע יאָרן געהערן שוין צו דער געשיכטע, און פאַרן היסטאָריקער איז בעסער צו האָבן קאָנצענטרירט אין איין בוך די פונאַנדערגעוואָרפענע מאַטעריאַלן, איידער אַליין זיי דערנאָך זוכן. אגב ווערן טאַקע פיל פּרטים פאַרגעסן און אינגאַנצן פאַרפאַלן, ווען זיי ווערן ניט אין וועלכער ס'איז פאָרם צוזאַמענגעבראַכט און פאַרפיקסירט.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר אויך באַוואויגן דאָ צו ברענגען אייניקע זכרונות און איבערלעבונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרבעט פון „יעקאָפּאַ" און צו דער איבערגעלעבטער צייט.

I.

אין די צאַרישע צייטן איז פּעטערבורג געווען די קאָפּ, דער מוח פון גאַנץ רוסלאַנד. אויך די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געהאַט איר רעפּרעזענטאַנץ און געפינען די ערשטע איניציאַטיווע אין אַלע אויפטועכצן קודם כל אין דער הויפּטשטאָט. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס תיכף ביים אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה, אין וועלכער רוסלאַנד איז אַריינגעטראָטן אַלס איינע פון די ערשטע מדינות, איז געגרינדעט געוואָרן דער יידישער קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון דער מלחמה („יעקאָפּאַ") אין פּעטערבורג, און וואָס בראש פון אים האָבן זיך געשטעלט די אויפּטומיקע כלל-טוער, ווי באַראָן גינצבורג, שלאָסבערג, ווינאַווער, קרייניג, בראַמסאָן א. א.

דאָ דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין רוסלאַנד, ווי אין אַלע מלחמה-פירנדיקע אייראָפּעאישע לענדער, איז גלייך אין אָנהויב פון דער מלחמה קינסטלעך אַרויסגערופן געוואָרן אַ באַגייסטערונג מיט דער מלחמה, אַ קריגשטימונג און אַ פּאַטריאָטיזם. אַזוינע ליבעראַלע צייטונגען, ווי „רעטש" א. א., וואָס האָבן ביזן לעצטן מאָמענט געשריבן קעגן מלחמה און זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן פון דער קאַטאַסטראָפע, האָבן שוין אויפן אַנדערן טאָג פון דער מלחמה-ערקלערונג מיט אַמאָל אויסגעביטן דעם טאָן און געוועקט אין דער געזעלשאַפט אָט די קריגערישע שטימונג און פאַרשאַרפטן פּאַטריאָטיזם.

פון איין זייט איז דאָס — ס'פאַרשטייט זיך — געווען אַ מוז; קריגצושטאַנד און מיליטערישע צענזור איז ניט קיין קלייניקייט. אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז שוין די געזעלשאַפט געוואָרן אַזוי סוגעסטירט — פון דרויסן און פון אינעווייניק (אויטאָסוגעסטיע), אַז מענטשן פלעגן זיך אַליין איינריידן, אַז מען פירט טאַקע מלחמה פאַר אַ גרויסער זאַך, פאַר אַ גרויסער אידייע. „מלחמה קעגן מלחמה!" — האָבן געשריבן די בעסטע רוסישע פּובליציסטן. „מלחמה קעגן מיליטאַריזם", מלחמה פאַר אַ גערעכטיקן לעבן, פאַר פרייהייט, פאַר דעמאָקראַטיזם — קענען דען זיין שענערע געדאַנקען!

און די ראַדיקאַלע רוסישע אינטעליגענץ, וואָס האָט ביזאָהער אַזויפיל גענאָסן פון דער דייטשער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, וואָס איז אַמאָל אין גרעסטן טייל ערצויגן געוואָרן אויף דער דייטשער פילאָזאָפיע (קאַנט, לייבניץ, העגעל, דערנאָך שאָפּענהויער, ניטשע) און דייטשן סאָציאַליזם (לאַסאַל, מאַרקס), וואָס האָט געגעבן פון זיך הונדערטער געלערנטע, וואָס האָבן זיך פאַרפולקומט אין די דייטשע אוניווערסיטעטן, אָט די רוסישער אינטעליגענץ — צוזאַמען מיט דער פּרעסע און מיליטערישע קרייזן — איז מיט אַמאָל געוואָרן דורכגעדרונגען מיט שנאה ניט נאָר צום דייטשן מיליטאַריזם און יונקערטום, נייערט אויך טאַקע צו דער דייטשער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט.

„פון קאַנט צו קרופּ" האָט געדרוקט אַ שרייענדיקן אַרטיקל אין אַן ערנסטן רוסישן זשורנאַל איינער פון די רוסישע פּובליציסטן, וועלנדיק אויפווייזן, אַז שוין דער פילאָזאָף קאַנט מיט 100 יאָר צוריק איז געווען שולדיק אין דער אַנטוויקלונג פון דעם דייטשן מיליטאַריזם.

אַזוי איז געווען אין רוסלאַנד; אַזוי איבעריקנס איז פאָרגעקומען אויך אין די אַנדערע מלחמה-פירנדיקע לענדער אין אַ פאַרקערטן שטייגער. אומעטום פלעגט מען אינטערוואַרעמען די שנאה און העצע פון איין פאָלק קעגן דעם אַנדערן.

אין דייטשלאַנד האָט די מלחמה געטראָפן טויזנטער פאַמיליעס רוסישע בירגער (פון זיי זייער פיל יידן), וואָס האָבן געמוזט לויפן צוריק פון די קוראָרטן אַרום דורך די נייטראַלע לענדער (שוועדן), ווייל די גרעניץ איז שוין געווען פאַרמאַכט, און דיזעלבע געמיטלעכע באַלעבאַטישע דייטשן אין דייטשקעס, וואָס פלעגן מיט אַזאַ אומגעדולד וואַרטן אויף די רוסישע געסט, וואָס פלעגן זיי געבן גוט צו פאַרדינען, האָבן אויף די בערלינער גאַסן געשלאָגן און באַשפּינן די „רוסישע באַרבאַרן", וואָס זיינען געוויס געווען גאָט די נשמה שולדיק אין דער מלחמה צווישן ווילהעלמען און ניקאָלאַיען.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער באַציאונג פון דער ראַדיקאַלער רוסישער אינטעליגענץ צו דער מלחמה מוז איך דערמאָנען אַ געהיימע פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג. אין רוסלאַנד האָט אַ געוויסע צייט עקזיסטירט אַ שטרענג-געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועגן וועלכער ס'איז — דוכט זיך — נאָך ניט אַראָפּגענומען דער מאָראַלישער

פאַרבאָט צו האַלטן די פרטים בסוד. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט זיך אין ווילנע קליינע באַהאַלטענע קרייזלעך, אין וועלכע ס'האָבן גענומען אָנטייל עטלעכע פּאָלאַקן, יידן, ליטווינער און ווייסרוסן. אין האַרבסט 1914 איז אין פּעטערבורג צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ געהיימער צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פון גאַנץ רוסלאַנד. פון ווילנע זיינען חוץ מיר געקומען איין פּאָלאַק, איין ווייסרוס און איין ליטווינער. פון קיעוו זיינען געקומען אויך אוקראַינער. דער גרעסטער טייל דעלעגאַטן זיינען אָבער געווען רוסן. צווישן זיי אַ שטייגער אַזוינע ווי נעקראַסאָוו, קאָלוביאַקין, קערענסקי, פּירשט אורוסאָוו און נאָך פיל אַנדערע.

צווישן אַנדערע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן איז געשטאַנען די הויפּטפראַגע: ווי זאָל זיך די אָרגאַניזאַציע באַציען צו דער מלחמה?

נעקראַסאָוו — געדענק איך — האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט און האָט דערציילט וועגן דעם אַזוי־גערופענעם „יאַפּאַנישן שטאַנדפּונקט" צו דער מלחמה. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ נייס. איך האָב געוואוסט, אַז צום רוסיש-יאַפּאַנישן קריג האָט די רוסישע ליבעראַל-דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ זיך באַצויגן נעגאַטיוו. נאָך מערער האָב איך געוואוסט, אַז די רוסישע יידן האָבן זיך זייער ווייניק געקימערט פון די מפּלות פון די רוסישע חיילות אין מאַנדזשוריע און פון דעם רוסישן פלאָט אין די וואַסערן פון יאַפּאַניע. איך האָב אויך געהערט, אַז אין אַמעריקע האָבן די יידן, רוסישע עמיגראַנטן, נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם, זיך געפרייט איבער דעם אונטערגאַנג פון מאַקאַראָווס קרייסערס און דער פלאָטיליע פון ראָזשדעסטווענסקי. איך האָב אָבער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אויך די בעסטע רוסישע אינטעליגענץ האָט געוואָלט, אַז רוסלאַנד זאָל פאַרלירן דעם רוסיש-יאַפּאַנישן קריג, האָט געוואָלט, רוסלאַנד זאָל האָבן אַ מפּלה.

דאָס האָט זיך דאַן פאַרקירצט אָנגערופן „יאַפּאַנישער שטאַנדפּונקט". דער זין איז געווען דער, וואָס — לויט דער ערפאַרונג פון דער רוסישער געשיכטע — קומען אין רוסלאַנד נאָך אַ מיליטערישער מפּלה פּאָליטישע רעפאָרמען. אַזוי איז געווען אין אָנהייב פון די 60-ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט בעת נאָך דעם סעוואַסטאָפּאָלער קריג אין יאָר 1856 זיינען געקומען די ליבעראַלע רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם 2-טן. אויך נאָך דער מפּלה פון דער אומזיניקער מלחמה מיט די יאַפּאַנער האָט די רוסישע אינטעליגענץ געהאָפט אויף ראַדיקאַלע רעפאָרמען.

און באמת, נאָכן שלום, וואָס וויטע'ן איז געלונגען דורכצופירן מיט דער אַריינמישונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, איז געקומען אין רוסלאַנד די „רעגירונג פון צוטרוי" פון סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי און דערנאָך די רעוואָלוציע אין יאָר 1905 מיט דער פאַרעפנטלעכונג פון דער קאָנסטיטוציע, צוזאַמענרופונג פון דער דומע א. אַז. וו.

אַס האָט זיך אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג געשטעלט די פראַגע, צי זאָל מען זיך אויך אין יאָר 1914 האַלטן ביי דעם דערמאָנטן „יאַפּאַנישן שטאַנדפּונקט". ס'זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשיידענע מיינונגען און האָפענונגען וועגן דעם, וואָס די מלחמה קען ברענגען. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס איז פאָרגעקומען, האָט קיינער ניט פאָראויסגעזען. אָבער כמעט אַלע האָבן דאַסמאָל דעם „יאַפּאַנישן שטאַנדפּונקט" אָפּגעוואָרפן. באַזונדערס שאַרף און פּאַטריאָטיש — געדענק איך — איז דאַן אַרויסגעטראָטן קוסקאָוואַ. זי האָט געזאָגט: איך ווייס ניט, צי נאָך דער מלחמה וועלן מיר האָבן נאָך אַ רעוואָלוציע, צי ניט; צי מיר וועלן האָבן בעסער, צי ערגער. נאָר אויב ס'זאָל שוין זיין אַ מאַכט פון אַ קיסר, וויל איך שוין בעסער האָבן ניקאָלאַי דעם 2-טן, איידער ליגן אונטער דער פּיאַטע פון ווילהעלמען דעם 2-טן.

ביי דער אָפּשטימונג האָבן זיך נאָר 2—3 אוקראַינער און איין פּאָלאַק (מיכאַיל ראָמער פון ווילנע) זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער עסטרייכישער אָריענטאַציע (ד. ה. זיי ווילן, אַז די עסטרייכער זאָלן געווינען די מלחמה), אייניקע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן (אונזערע ווילנער), און אַלע איבעריקע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פּאַטריאָטיש, ד. ה. מען מוז מיט אַלע מיטלען זען, רוסלאַנד זאָל אָפּהאַלטן אַ נצחון.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן, אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכטן אינצידענט, כדי צו כאַראַקטעריזירן די שטימונג פון דער דעמאָלסדיקער ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישער רוסישער געזעלשאַפט. און סאַקע גלייך נאָך דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז דער גרעסטער טייל פון די אָנטיילנעמער אַוועק אויף דער מלחמה פריינוויליק (קאָלוביאַקין איז גיך געהרגעט געוואָרן אַלס אָפיציר) אָדער גענומען אָרגאַניזירן הילף אויפן פראָנט (נעקראַסאָוו, דאָלגאָרוקאָוו, קישקין, קאָמיסאַראָוו און פיל אַנדערע).

פון דעם אַלעמען איז שוין קלאָר, אַז אויך די יידישע געזעלשאַפטלעכע רעפּרעזענטאַנץ — איינע אויפריכטיק, די אַנדערע דיפּלאָמאַטיש — האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן זייער פּאַטריאָטיזם און גרייטקייט מיטצוהעלפן און אָנטיילצונעמען — אין וועלכער ס'איז פאָרם — אין דער מלחמה.

הונדערטער טויזנטער יידישע זעלנער זיינען פאַקטיש אַריינגעצויגן געוואָרן אין די שלאַכטן, צענדליקער טויזנטער זיינען געהרגעט, פאַרוואונדעט און פאַרפאַלן געוואָרן. טויזנטער יידישע דאָקטוירים זיינען גערופן געוואָרן אין מיליטער, און דאָס גאַנצע יידיש לעבן אין רוסלאַנד איז איבערגעאַנדערשט געוואָרן און רואינירט געוואָרן ביז די וואָרצלען.

II.

אויף „יעקאָפּאָ", און בכלל אויף דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, איז דאַן אַרויסגעפאַלן אַ שווערע, גרויסע און פילזייטיקע אַרבעט. ס'איז ווייניק געווען צו זאַמלען געלט און פאַרטיילן צווישן די געליטענע פון דער מלחמה. ס'איז ווייניק געווען צו בויען לאַזאַרעטן פאַר די פאַרוואונדעטע, שיקן וואַרעמע זאַכן אויפן פראָנט, מתנות פאַר די זעלנער א. ד. גל. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ספּעציעל יידישע צרות, אומגליקן צווייערליי.

ערשטנס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירטע העצע קעגן יידן צווישן מיליטער. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן באַשולדיקונגען קעגן די יידן אין שפּיאָנאַזש, אין בגידה, אין האַלטן געהיימע טעלעפאָנען, אין געבן סיגנאַלן און ידיעות דעם שונא א. אַז. וו. מען האָט ערנסט געשריבן אין די צייטונגען, אַז אין איין אָרט האָט מען ביי אַ יידן געפונען אין באָרד אַ באַהאַלטענעם טעלעפאָן, און אין אַנדער אָרט האָט מען צוזאַמען מיט אַ מת דורכגעפירט אַ קוילנוואַרפער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן געריכטלעכע פּראָצעסן קעגן יידן און דערנאָך מאַסן-אַרויסטרייבונגען פון די פראָנט-ערטער, פון די פעסטונגען (גראָדנע, קאָוונע), און צום סוף — אַן אַלגעמיינער גירוש: אַלע יידן—אָן אויסנאַם— זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין 24 שעה פון גאַנץ קאָוונער און קורלענדער גובערניעס.

דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן די נייטיקייט פון זיך פאַרטיידיקן, זיך פאַרענטפערן און זיך משתדל זיין. מען האָט געמוזט אָפּשרייען די גזרות (וגם דאָס

האָט ווייניק געהאָלפן) און לכל הפחות אויפגעוויזן דעם בעסערן טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט, אַז די באַשולדיקונגען זיינען פשוט רכילות, אַז די רוסישע גענעראַלן ווילן פשוט מיט זיי פאַרענטפערן זייערע מפלות. דאָס אַלץ האָט נאָך מערער אַרויסגערופן אַ „היפער-פאַטריאָטיזם" אין דער יידישער געזעלשאַפט און אַן אַפּאָלאָגעטישן כאַראַקטער פון דער פרעסע.

פון דער אַנדערער זייט איז די צאָל יידן-געליטענע פון דער מלחמה געוואָרן אומגעהייער גרויס. די הילף האָט געדאַרפט אָנגעווענדעט ווערן ניט אַזוי אויף צו העלפן די מיליטערלייט, וואָס האָבן געליטן פון דער מלחמה, ווי דער ציווילער באַפעלקערונג. בוכשטעבלעך הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע ערטער און געמוזט זוכן חיונה ערגיץ וואו אין אַן אַנדער אָרט. מען האָט געמוזט זאָרגן פאַר די צענדליקער טויזנטער קינדער, אַלטע און שוואַכע, אַרבעטסלאָזע, הונגעריקע, נאַקעטע. דאָס אַלץ איז אַרויסגעפאַלן אויף די פּלייצעס פון דער יידישער געזעלשאַפט, און די רעזולטאַטן פון דער שרעקלעכער מלחמה לאָזן זיך נאָך פילן עד-היום.

אין ווילנע האָט זיך גלייך געעפנט אַן אָפּטיילונג פון פעטערבורגער „יעקאָפאָ". די שטאָט איז באַלד געוואָרן אַ הינטערפראָנט, וואו ס'האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אָפטער די אַנטלאָפענע און דערנאָך די אַרויסגעטריבענע פון די פראָנט-געגנטן. די דעמאָלטיקע קהילה (צדקה-גדולה) האָט געעפנט אַ לאַזאַרעט פאַר פאַרוואונדעטע אין בנין פון משמרת-חולים; ס'האָבן זיך געגרינדעט קינדער-היימען פאַר די קינדער פון די מגורשים, אינטערנאַטן, קיכן א. ד. גל. וועגן דעם איז שוין געשריבן געוואָרן אין „ווילנער זאַמלבוך". דער ווילנער קאָמיטעט פלעגט באַקומען הילף פון פעטערבורגער קאָמיטעט, פון אַלגעמיינעם טאַטיאַנאַ-קאָמיטעט א. ד. גל. צום שווערסטן איז געוואָרן די לאַגע פון שטאָט אין סעפטעמבער 1915, בעת די רוסן האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן ווילנע, און די שטאָט איז אָקופירט געוואָרן פון די דייטשן. דער ווילנער יידישער קאָמיטעט איז געבליבן אָן אַ גראָשן געלט, אָפּגעשניטן פון פעטערבורג, מיט 22 טויזנט היימלאָזע און מיט אַ העלפטע יידישע איינוואוינער, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז געבליבן אָן מיטלען און אָן פאַרדינסט. צום גליק איז אין דער קורצער צייט, וואָס האָט געדויערט די עוואַקואַציע פון ווילנע ביזן אָנקומען פון די דייטשן (פון ראש-השנה ביז יום-כפור), מיר געלונגען צוויי מאָל צו באַקומען פון פעטערבורג פאַר ווילנע צו 50 טויזנט רובל, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געראַטעוועט אונזער לאַגע.

פון שטאַנדפונקט פון זכרונות לוינט אפשר דאָ צו זאָגן אַ פאָר ווערטער וועגן די דאָזיקע מיינע צוויי נסיעות.

III.

סוף אויגוסט 1915 איז שוין כמעט די גאַנצע שטאָט געווען עוואַקואירט — אַלע מלוכישע אינסטיטוציעס, פאַבריקן און גרעסערע געשעפטן. אַ גרויסער טייל קראָמען זיינען פאַרמאַכט און פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. די גאַסן מאַכן אַן אומעטיקן איינדרוק. ס'איז שטיל, די מענטשן גייען אַרום צעטראָגן, אין הוילן שרעק פון אומבאַוואוסטקייט: וואָס וועט זיין ווייטער? פיינדלעכע עראָפּלאַנען פליען איבערן שטאָט הויך אין הימל און וואַרפן באָמבעס אויפן וואָקזאַל און אויך אינמיטן שטאָט. ס'רייסן אויף בנינים, ס'פאַלן אומשולדיקע קרבנות. די רוסישע האַרמאַטן שיסן אין די דייטשע עראָפּלאַנען און אויפן העלן אויגוסט-הימל פּלאַצן די קוילן, וואַרפנדיק פון זיך שיינע וואָלקנס, וואָס צעשיטן זיך אין די שטראַלן פון דער זון. אַ שיין בילד, אָבער ניט קיין פריילעכס.

די שטאָט איז פול מיט צענדליקער טויזנטער אָרימע, אומגליקלעכע אַנטלאָפענע און אַרויסגעטריבענע. די נויט איז גרויס, די מיטלען פונם יידישן קאָמיטעט ענדיקן זיך, די הוצאות און דער יקרות ווערן גרעסער. וואָס וועט זיין, אַז דאָס געלט וועט זיך ענדיקן, פון וואַנען וועט קומען הילף, ווען מיר וועלן זיין אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט?

די באַנען גייען שוין ניט רעגלמעסיק, דער עיקר זיינען זיי באַשטימט פאַר מיליטער. אויפן ווילנער וואָקזאַל טאָר מען שוין ניט אַרויסגיין. דער וועג אויף לידע (פּאָליעסער באַן) און אויף לאַנדוואַראָווע (וואַרשעווער) איז שוין אָפּגעשניטן. די פאַרבינדונג איז נאָך געבליבן מיט מינסק און מיט פעטערבורג דורך דער סטאַנציע — נאָוואָ-ווילייסק.

דער יידישער קאָמיטעט באַשליסט מיך צו קאָמאַנדירן אין פעטערבורג, טאָמער וועט מיר נאָך געלינגען צו באַקומען דאָרטן געלט און זיך אומקערן צוריק אין ווילנע.

איך האָב גערן אָנגענומען די מיסיע: יעדער גראָשן, וואָס מיר וועלן באַקומען, וועט אונז גוט צוניצקומען. איך פאָר אויף אַ דראָזשקע אין נאָוואָ-ווילייסק (7 קילאָמעטער). אַרום וואָקזאַל איז אַן אמתער מיליטער-לאַגער. ס'קאָכט פון אַלערליי מיליטער, די שטימונג איז אַן ערנסטע; ווען דער צוג וועט אָפּגיין אין פעטערבורג, ווייס קיינער ניט. מען דאַרף גוט אַכטונג געבן: מיט אַמאָל קען ער אָוועקגיין. אַזייגער 10 אינאָוונט הערט זיך טאַקע אַ פייף, מיר זעצן זיך אין וואַגאָן, און דער צוג גייט אומגעשטערט — גאָר ווי אין די גוטע צייטן — ביז פעטערבורג.

דאָ איז גאָר אַן אַנדער לעבן. ס'קאָכט נאָך מערער, ווי אין די פרידנסצייטן. ס'קומען אָן נאָכאַנאַנד צוגן מיט פאַרוואונדעטע. אומעטום זעט מען מענטשן מיט אַ באַנד פון רויטן קרייץ. אָבער ס'איז פריילעך און לעבעדיק; דער שונא איז ווייט. הגם ס'הערן זיך פעסימיסטישע שטימען, אַז די דייטשע קרייסערס קענען באָמבאַדירן אויך פעטערבורג. אויף די שיינע גאַסן פון הויפּטשטאָט איז טומלדיק. אין די מאַגאַזינען לייזט מען געשמאַק, און מענטשן מאַכן גוטע געשעפטן.

צוליב מיין קומען איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַן עקסטרע זיצונג פון קאָמיטעט „יעקאָפאָ". ס'זעען זיך באַקאַנטע פנימער: באַראָן גינצבורג, שלאָסבערג, ווינאַווער, בראַמסאָן, ברוצקוס, מאַדעל, יעפראַיקין א. א. איך דערצייל וועגן דער שווערער לאַגע, אין וועלכער ס'געפינט זיך די שטאָט ווילנע און די געבליבענע יידישע באַפעלקערונג מיט אירע 22 טויזנט פליכטלינגע. איך פאָדער 100 טויזנט רובל, און דאָס געלט מוז תיכף געגעבן ווערן. איך ווער אונטערשטיצט פון מיינע חברים, אָבער קיין צו פיל געלט האָט דער קאָמיטעט אויך ניט, און די הוצאות זיינען גרויס. הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אָנגעקומען אין אַלע קאַנטן פון רוסלאַנד, ס'איז געבראָכן געוואָרן דער „תחום המושב", און פאַר אַלעמען מוז מען זאָרגן. דער קאָמיטעט באַשליסט מיר צו געבן תיכף 50 טויזנט רובל; אויב ס'וועט זיין מעגלעך, וועט מען אין עטלעכע טעג אַרום שיקן פאַר אונז טעלעגראַפיש אין מינסק נאָך 50 טויזנט.

אויף מאָרגן, ערב ראש-השנה, האָב איך באַקומען אין באַנק 50.000 רובל. דאָס איז געווען אַ גרויסע סומע; ווערטפאַפירן און גרעסערע באַנקנאָטן קען איך אויך ניט נעמען: ס'וועט ניט זיין אין ווילנע, וואו צו בייטן. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער פּאַק פון פאַפירגעלט, וואָס מען האָט מיר איינגענייט אין

אַ זאַק און אָנגעטאָן אונטערן העמד, אַזוי אַז איך האָב אויסגעזען, ווי אַ מעוברתע פרוי. מיט דעם בין איך גלייך פון באַנק געפאָרן אויף אַן אָווטאָמאָביל צום וואָקזאַל: איך האָב זיך געמוזט איילן אַהיים, יעדן מאָמענט האָט די פאַרבינדונג געקענט איבערגעריסן ווערן.

איך בין געווען — ס'פאַרשטייט זיך — גליקלעך, וואָס איך פיר געלט פאַר מיין שטאָט, אָבער אויפן האַרצן איז געווען זייער ניט פריילעך. צוויי געפילן האָבן אין מיר געקעמפט: מיין גאַנצע פאַמיליע האָט זיך געפונען אין פעטערבורג, ס'איז מיר געווען זייער שווער זיך צו שיידן מיט מיין פרוי און קינדער — ווער ווייס, אויף ווי לאַנג?.

אָבער ווילנע האָט מזל, דער צוג איז גוט אָנגעקומען אין ווילנע (אייגנטלעך אין נאָוואָ-ווילייסק), און איך האָב דאָס געלט מיט שמחה איבערגעגעבן דעם קאָמיטעט. צוזאַמען מיט מיר איז אויך געפאָרן פון פעטערבורג מאַזאַ, וואָס האָט גלייך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין ווילנער קאָמיטעט. שפּעטער האָט ער דאָס אָנגעפירט מיט דער „ווילנער טרופּע", וואָס איז אַזוי באַקאַנט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט.

אין אַ טאָג אַרום, פרייטיק ערב שבת תשובה באַקומט זיך אין קאָמיטעט אַ דעפּעשע פון ישראל בונימאָוויטשן, אַז דער פעטערבורגער קאָמיטעט האָט איבערגעשיקט אין מינסק נאָך 50.000 רובל אויף די נעמען פון איינעם פון 5 פּערזאָנען (הרב רובינשטיין, ראַכמילעוויטש א. א.); מיין נאָמען איז ניט געווען דערמאָנט. מען האָט געמוזט תּיכּף פאָרן, ווייל מען איז ניט געווען זיכער, אַז היינט-מאָרגן וועט די פאַרבינדונג אינגאַנצן ווערן איבערגעריסן. אָבער קיינער פון די 5 פּערזאָן האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט פאָרן קיין מינסק. דער גורל איז ווידער געפאַלן אויף מיר.

די שטרעקע פון ווילנע ביז מינסק איז קירצער, ווי ביז פעטערבורג, אָבער די פאַרבינדונג איז שוין געווען אַ סך שווערער, און פאַר ציווילע פּערזאָנען כּמעט אוממעגלעך. איך האָב אָנגעטאָן מיין מיליטערישע אוניפאָרם, וואָס איך האָב געהאַט נאָך פון מיין פרייוויליקן דינסט אין פאַרבאַנד פון די רוסישע שטעט, און אַריבערגעפאָרן מיט בונימאָוויטשעס דעפּעש אין מינסק. די נסיעה איז געגאַנגען גאַנץ גלאַט, אָבער דאָס געלט צו באַקומען איז געווען ניט לייכט. ערשטנס, האָט נאָך די מינסקער באַנק ניט באַקומען קיין אָוויזו אויף אַרויסצוצאָלן די 50 טויזנט רובל, און, צווייטנס, איז פון די 5 פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען דאָס געלט, מיין נאָמען ניט געווען דערמאָנט. וואַרטן אָבער אויף אַ טעלעגראַפישע פאַרשטענדיקונג האָב איך ניט געקאָנט. ס'האָבן זיך אַריינגעלייגט אין ענין די אָרטיקע אָנגעזעענע טוער (מיין ברודער, שמעון קאָוואַרסקי א. א.) און האָבן אונטערגעשריבן אַ התחייבות, אַז זיי גאַראַנטירן פאַר די 50 טויזנט רובל. שבת-צו-נאַכט בין איך שוין אָפּגעפאָרן קיין ווילנע.

אַ גאַנצן מעת-לעת בין איך אין אוניפאָרם פון אַ רוסישן פּאָלקאָווניק געפאָרן פון מינסק ביז ווילנע מיט אַ גרויסן בויך, אָנגעלאָדעוועט מיט אַסיגנאַציעס. אויף די סטאַנציעס איז מען געשטאַנען לאַנג, און איך האָב זיך געמוזט איבערזעצן פון איין וואַגאָן אין דעם אַנדערן, ביז איך בין זונטאָג אין אָוונט געקומען אין נאָוואָ-ווילייסק. פון דאָרטן האָבן מיר שוין 7 ווייאָרסט געמוזט גיין צופוס ביז ווילנע.

שבת יום-כּפּור פאַרטאָג דעם 5/18 סעפּטעמבער איז די שטאָט געוואָרן פאַרנומען פון דער דייטשער מיליטער.

IV.

ס'זיינען אַוועק 3 שווערע יאָרן פון דייטשער אָקופּאַציע, פון נויט און הונגער. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך און געהערט ניט דירעקט צו מיין טעמע. אגב זיינען די דאָזיקע יאָרן שוין באַשריבן געוואָרן פון פאַרשיידענע זייטן (ז. „ווילנער זאַמלבוך" I—II; פנקס פון דער ווילנער היסט.-עטנ. געז.; ד"ר וויגאָדסקי). איך וויל דאָ איבערגיין צום אָנהויב פון דער אַרבעט פונם ווילנער „יעקאָפּאָ".

אין מאַי 1918, בעת די דייטשע הערשאַפט אין די אָקופּירטע געביטן פון רוסלאַנד איז נאָך געווען אין פולער קראַפט, איז מיר געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון ווילנע קיין פעטערבורג. ביז זומער 1917 האָט נאָר קיין רייד ניט געקענט זיין, אַז ציווילע פּערזאָנען זאָלן באַקומען אַן ערלויבעניש צו פאָרן מיט דער באַן, ווער רעדט שוין וועגן איבערגיין די גרעניץ. שפּעטער בעת דער מיליטערישער גליק פון די דייטשן האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו וואַקלען און די דייטשע מלוכה-מענער האָבן שוין אָנגעהויבן פאָראויסצוזען אַ מפּלה, איז דער רעזשים אין די אָקופּירטע געגנטן אויך געוואָרן עטוואָס שוואַכער. סוחרים-ספּעקולאַנטן האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען „אויסווייזן" אויף צו פאָרן פון איין שטאָט אין די אַנדערע. איך אַרכיקע דאָקטוירים פלעגן באַקומען ערלויבענישן צו באַזוכן קראַנקע אין די אַרומיקע געגנטן.

איך האָב באַקומען אַ פּאַס אויף 28 טעג צו פאָרן הין און צוריק ביזן גרעניץ פון „אָבעראָסט", ד. ה. ביז טורמאַנט ביי דענעבורג (דווינסק). אָבער ווי פאָרט מען ווייטער ביז פעטערבורג? אויפן וואָקזאַל אין ווילנע טרעף איך אַ באַקאַנטן „שמוגלער" קאָוו. און בעט ביי אים אַן עצה. ער האָט מיר געמאַכט די זאַך לייכט, און געקויפט פאַר מיר אַ בילעט ביז דווינסק (דענעבורג). ביז טורמאַנט בין איך אַלזאָ געפאָרן רואיק. אויפן וועג האָט דערזעלבער קאָוו. מיך גענומען צו זיך אין צווייטן קלאַס (איך בין געפאָרן אין דריטן) און מיך „געלערנט", ווי איך קען אויך פאָרן ווייטער. מיר זיינען געזעסן ניט לאַנג צוזאַמען, ווייל איך האָב געוואָלט זיין כּשר און ניט זיצן אין צווייטן קלאַס מיט אַ בילעט פון דריטן. אין קאַלקון (ניט ווייט פון דענעבורג), וואו דער צוג האָט געהאַלטן אַ פּאָר מינוט, בין איך אַראָפּ, כּדי אַריינצוגיין צוריק אין מיין וואַגאָן, אין וועלכן איך בין געזעסן פריער, און וואו ס'זיינען געווען מיינע זאַכן.

איך דאַרף באַמערקן, אַז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע זיינען פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג געווען באַזונדערע וואַגאָנעס, און זיצן צוזאַמען מיט מיליטערלייט איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. די דייטשן האָבן בכלל זייער מורא געהאַט פאַר „שפּיאָנענפאַר". אַזוינע אויפשריפטן זיינען געווען אויך אויף די וואַגאָנעס. מן הסתם בין איך ניט וויסנדיק אַרויס אויף דער סטאַנציע פון דער אַנדערער זייט און דערנאָך שוין בשום אופן ניט געקענט געפינען מיין וואַגאָן. איך האָב געוועסט געפּרובט זיך זעצן צו די זעלנער, נאָר מען האָט מיך פון דאָרטן אַרויסגעשטופּט, און איידער איך האָב באַוויזן צו געפינען מיין וואַגאָן, האָט זיך דער צוג שוין גערירט. איך בין געבליבן אַזוי אויף דער סטאַנציע קאַלקון אָן זאַכן און האָבנדיק ביי זיך אַן ערלויבעניש צו פאָרן בלויז ביז טורמאַנט. די לאַגע איז געווען ניט פון די אָנגענעמע און אַ גענוג נאַרישע.

ס'איז געווען אַזייגער 2 בייטאָג, ס'האָט אַ ביסל גערעגנט, און איך בין געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט, ווי דרייט מען זיך אַרויס פון דער לאַגע? איינער האָט מיר געראָטן צו גיין צום קאָמענדאַנט (אַ פּאָר קילאָמעטער) און בעטן אַן אַריינלאָז. אָבער דאָס איז גע-

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

ווען אָן שום אויסזיכט אויף פּראָלן; חוצדעם וואָלט זיך דאַן אַנטדעקט מיין ניט-לעגאַלקייט. דאָ האָט מיר איינער אַ פּויער געראָטן איבערצופאָרן די דווינע אויף אַ שיפל און אַזוי קומען אינמיטן שטאָט דענעבורג. איך האָב אים געפאָלגט און געגאַנגען צום טייך.

דאָ איז טאַקע געווען אַ שיפל, און אַ פּאָר קריסטן האָבן זיך געקליבן אַריבערצושיפלען אויף דער אַנדערער זייט. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָ דאַרף מען האָבן אַן „אויסווייז“ אויף אַריינצוגיין אין שטאָט. פאַר 5 מאַרק האָט איינער פון די קריסטן מסכּים געווען מיר צו „לייען“ זיין ערלויבעניש, און מיר האָבן זיך אַריבערגעשיפלט איבער דער דווינע. דאָ האָט דערוועלבער געליען ביים שכן יענעמס „אויסווייז“, איינעם געגעבן מיר אין האַנט און דעם אַנדערן געהאַלטן ביי זיך, און אַזוי זיינען מיר אַריין אין שטאָט. אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט פון דער וואַך, האָט ער צוריקגענומען ביי מיר דעם פּאַפּיר און זיך אומגעקערט צו זיין שיפל, און איך האָב אַזוי שוין בשלום זיך געפונען אויף די דענעבורגער גאַסן.

צום גליק האָב איך געדענקט דעם נאָמען פון האָטעל, וואו קאָוו. שטעלט זיך אָפּ און בין אַוועק גלייך אַהין. אגב איז דאָס געווען זייער נאָענט. ווי גרויס איז געווען מיין שמחה, ווען איך האָב דערזען אין האָטעל מיינע אַלע זאַכן, וואָס דער פריינדלעכער קאָוו. — ווענדיק מיין אומגליק — האָט מיטגענומען מיט זיך.

דענעבורג האָט זיך דאַן געפונען ניט אין אַ בעסערער לאַגע, ווי ווילנע. די שטאָט איז געווען פאַראָרעמט. אַלס אַ געוועזענע רוסישע פעסטונג, האָט זי זייער פיל געליטן פון מיליטערישע אָפּעראַציעס. אַ גרויסער טייל איינוואוינער זיינען אַרויסגעפאָרן, דער גאַנצער פריערדיקער האַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט. מערניט עטלעכע „שמוכלאַרעס“ האָבן פאַרשטאַנען דאָ צו פאַרדינען אַ גראָשן און האָבן זיך געפילט צופרידן. זיי האָבן גוט געלעבט מיט די פּילצאָליקע דייטשע „לייטענאַנטן“ און געמאַכט מיט זיי גוטע געשעפטן. אגב איז דאָ די דייטשע אָקופּאַציע געווען בלויז אַ צייטווייליקע, און דער מיליטערישער רעזשים בנוגע צו דער ציווילער באַפעלקערונג איז ניט געווען אַזוי שטרענג, ווי ביי אונז אין „אָבעראָסט“.

מיין פריינד קאָוו. איז טאַקע אַריין מיט מיר צו איינעם פון די „לייטענאַנטן“ און האָט געפּועלט פאַר מיר אַ דורכלאָז ביז פּסקאָוו.

איך בין געווען גליקלעך, וואָס מיין ציל דערנעענטערט זיך מקוים צו ווערן.

דער צוג פון דענעבורג ביז פּסקאָוו איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי פון ווילנע. ס'זיינען שוין ניט געווען די שיינע דייטשע וואַגאָנעס פון אַ D-צוג, נאָר אַלטע רוסישע וואַגאָנעס פון 4-טן קלאַס מיט פּראָסטע ברעטערנע בענק אונטן און אויבן. אויך דער עולם איז געווען גאָר אַן אַנדערער: דאָס רוב רוסישע אַרבעטער; ס'האָט שוין געשמעקט מיט באָלשעוויזם.

די נאַכט זיינען מיר דורכגעפאָרן אָן שטערונגען, און אויף מאָרגן בין איך אָנגעקומען קיין פּסקאָוו, וואָס האָט זיך דאַן געפונען ביי די דייטשן. איך האָב געהאַט מיט זיך היפּש געפּעק, ווייל איך האָב געפירט מיט זיך מתנות, דער עיקר עסנוואַרג, פאַר מיין פאַמיליע אין פּעטערבורג. איך האָב געלאָזן די זאַכן אויפן וואָקזאַל און זיך געלאָזן איבער דער אומבאַקאַנטער שטאָט זוכן באַקאַנטע.

איך האָב געהאַט אַן אַדרעס פון אַ געוועזענעם ווילנער איינוואוינער. מען האָט מיך דאָרטן גוט צוגענומען, געגעבן עסן און צוגעזאָגט מיך צו פירן ווייטער. דאָרטן האָב איך טאַקע געטראָפן נאָך אַ באַקאַנטן ווילנער „שמוכלער“ ראַב., וועלכער האָט זיך אָנגענומען אַלץ פאַר מיר צו טאָן. אָבער גראָד האָט זיך באַלד דעם טאָג מיט אים געטראָפן אַן אומגליק: ער איז אַריינגעפאַלן עפּעס אין אַן אַפערע, און מען האָט ביי אים קאָנפיסקירט אַ גרויסע פּאַרטיע מיט מעל.

איך האָב זיך געווענדעט צום ד"ר קאַצענעלסאָן, אַ שטענדיקן חשובן פּסקאָווער איינוואוינער. אָבער ניט ער, ניט זיין ברודער, דער אַדוואָקאַט, האָבן אין אַזוינע ניט משרע זאַכן וואָס ס'איז געקענט העלפן. ווי האָבן מיר מערנים שווער געמאַכט דאָס האַרץ, האַלטנדיק מיין גאַנצן פּלאַן צו פאָרן אין פּעטערבורג פאַר אַ כימערע. ס'איז מיר געבליבן זיך ווייטער צו ווענדן צו די „סוחרים“.

האָט זיך טאַקע געפונען אַ ליבער מאַן לעוו., וואָס האָט געהאַט די ערלויבעניש צו פאָרן אין פּעטערבורג פאַר 2 פּערזאָן און האָט זיך געקליבן מאָרגן אַהין צו פאָרן. ער איז מסכּים געווען מיך מיטצונעמען, און איך בין ווייטער געוואָרן פריילעך.

פּסקאָוו איז דעמאָלט געווען דער לעצטער פּונקט פון דער דייטשער אָקופּאַציע לויטן ברעסקער שלום. אויף די פאַרשטעט איז געווען די גרעניץ.

דאָרטן איז אין עטלעכע פּונקטן געשטאַנען די דייטשע וואַך און קיינעם אָן אַן ערלויבעניש ניט דורכגעלאָזן. ווייטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער נייטראַלער פּאַס אויף אַ שטח פון 18 ווייאָרסט ביז דער סטאַנציע טאָראָשינאָ, וואָס האָט שוין געהערט צו רוסלאַנד (ר. ס. פ. ס. ר.).

די שטאָט גופא איז געווען שטאַרק פאַרלאָזן און וויסט. אַלע הויפּט-בנינים זיינען געווען פאַרנומען מיט דייטשע אינסטיטוציעס און מיליטערישע באַאַמטע. זייער פיל זיינען אויך געווען געוועזענע רוסישע אָפיצירן, וואָס זיינען געלאָפן פון די באָלשעוויקעס און דאָ זיך פאַרנומען מיט האַנדל: געהאַלטן קראָמען, רעסטאָראַציעס און קאַוויאַרנעס.

אויף מאָרגן זיינען מיר צוזאַמען מיט לעוו. אויף זיין אייגענעם פערד מיטן גאַנצן געפּעק צוגעפאָרן צו איינעם פון די גרעניץ-פּונקטן. לעוו. האָט געוויזן זיינע פּאַפּירן, אים האָט מען דורכגעלאָזן און מיך... אָבער ניט. שלעכט. וואו טוט מען זיך אַהין מיט מיינע טשעמאָדאַנעס?

דאַן זיינען מיר געפאַלן אויף אַן המצאה: זיך פּרובירן אויף אַן אַנדער גרעניץ. מיר האָבן פאַרקערעוועט די אָגלאָבלעס, אַרומגעפאָרן די שטאָט און צוגעפאָרן צו אַן אַנדער גרעניץ-וואַך. דאָ האָב איך באַשלאָסן צו גיין דער ערשטער. איך האָב אָפנהערציק ערקלערט דעם לייטענאַנט, אַז איך מוז אויף אַ קורצער צייט זען זיך מיט מיין פאַמיליע, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט גרעניץ און מיט וועלכער איך האָב זיך ניט געזען 3 יאָר, און בעט אים מיך דורכלאָזן. דער לייטענאַנט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן מענטשן, אַליין מיט אַקאַדעמישער בילדונג. די מלחמה האָט אים מסתמא שוין גוט אויך דערעסן. ער האָט אַרומגעקוקט די פּאַפּירן פון לעוו., געזען, אַז דער האָט די ערלויבעניש פאַר 2 פּערזאָן און האָט אַליין פאָרגעלייגט, אַז לעוו. זאָל מיך נעמען, ווי אַ צווייטע פּערזאָן. אַזוי זיינען מיר בשלום דורכגעפאָרן דעם גרעניץ (קיין שום שטעמפּלען האָט מען ניט געשטעלט); אין אַ מינוט אַרום זיינען מיר שוין געווען אויפן נייטראַלן פּאַס און געפאָרן פראַנק און פריי, אָן שום האַר און באַלעבאָס אויף זיך. מען האָט געקענט דאָ הרגענען אַ מענטשן, און קיינער וואָלט זיך ניט אָנגענומען — לית דין ולא דין.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען מיר אָנגעקומען אין טאָראָשינאָ. ס'איז געווען אַ שיינער וואַרעמער מאַי-אָוונט. דער גאַנצער גרויסער פּלאַץ

אַרום וואָקזאַל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א וואַנדער־לאַגער. דאָ און דאָרטן זיינען געזעסן אויפן גראָז גרופּעס פון מענטשן מיט קינדער און מיט בעבעכעס און געוואַרט אויף אַן ערלויבניש צו פאָרן ווייטער. דאָס רוב אָבער זיינען דאָס געווען פויערים און פויערטעס מיט זעק (מיעשאָטשניקי), וואָס האָבן געפירט פּראָדוקטן פאַר זיך אָדער צום פאַרקויפן. אָרום האָבן געהערשט באָלשעוויסטישע באַאַמטע פון די פאַרשיידענע קאָמיטעטן מיט נייע משונהדיקע פאַרן ניט געוויינטן אויער נעמען.

מיר האָבן אָפּגעגעסן ערגיצוואו אין א ווינקעלע פון די רייכע זאַפּאַסן פון עסנוואַרג, וואָס לעוו. האָט געהאַט מיט זיך, באַהאַלטן פון א פרעמדן אויג, כדי — ווי ער האָט מיר ערקלערט — ניט אַרויסצורופן קיין קנאה ביי דעם אַרומיקן הונגעריקן עולם.

לעוו. איז אין טאָראָשינאָ געווען גוט באַקאַנט מיט „נאַטשאַלסטוואָ", און מיר האָבן גיך באַקומען אַן אָרט אין א וואַגאָן פון ערשטן קלאַס, אַן אָפּגעריסענעם, אָפּגעפליקטן מיט ניט אומעטום גאַנצע שויבן. מיר איז געווען אַלץ איינס: איך האָב אויסגעפירט, איך פאָר קיין פּעטערבורג, וואָס רופט זיך שוין לענינגראַד.

דער צוג האָט זיך אויף יעדער סטאַנציע אָפּגעשטעלט. אין די וואַגאָנעס האָבן זיך געריסן די „מיעשאָטשניקעס". מען טרייבט זיי, מען שיסט מיט פּוסטע פּאַטראָנעס, זיי צו דערשרעקן. ס'העלפט אָבער גאָרניט, זיי שפּאַרן זיך און זעצן זיך כאָטש אויף די טרעפּלעך מיט סכּנות נפשות. מער ניט מיר זיינען די גליקלעכע, פאָרן אין א געראַמען וואַגאָן. די נאַכט איז א ליכטיקע, פון די פּעטערבורגער ווייסע נעכט. ס'ווילט זיך גאָר ניט שלאָפן, די האַרץ איז פול מיט שמחה און מיט נייע אינטערעסאַנטע איינדרוקן.

5 אינדערפרי (נאָך דער נייער רוסישער צייט איז דאָס שוין געווען 7) זיינען מיר אָנגעקומען אין לענינגראַד. פאַרבייגעפאָרן גאַטשינא, די אַמאָליקע רעזידענץ פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וועגן וועמען מען פלעגט זיך וויצלען, אַז ער האָט אויך מורא צו קומען אין פּעטערבורג, ווי א פּשוטער ייד פון „טשערטאַ". אָבער אַנדערע צייטן; דער פּאַלאַץ איז פאַרלאָזן, ניטאָ דער אַמאָליקער לוקסוס. טראָצקי קיניגט אין קרעמל, און ניקאָלאַי דער צווייטער איז שוין אויף דער וועלט ניטאָ.

דער וואָקזאַל אין פּעטערבורג איז שמוציק. גאָר אַנדערע מענטשן — דאָס רוב יונגע — אין אַנדערע מלבושים. ערטערווייז פונדעסטוועגן זעען זיך אַלטע געוועזענע קאָנדוקטאָרן און נאָך באַן־באַאַמטע, וואָס דערמאָנען די אַמאָליקע צייטן. איך געפין אַן אַרבעטער, וואָס העלפט מיר טראָגן מיין געפּעק. מען מוז פאַרן באַגאַזש באַצאָלן אויפן וואָקזאַל גופא. איך צאָל מיט אַמאָליקע רוסישע („צאַרסקע") געלט און באַקום רעשטע עפּעס מיט פּאָסטמאַרקעס, געדרוקט אויף גראָבערן פּאַפּיר.

אַלץ האָב איך שוין אָפּגעפּטרט. איצט מוז איך באַקלערן, ווי קום איך צו מיין פאַמיליע, וועלכע האָט גאָר קיין אַנונג ניט, אַז איך בין שוין אַזוי נאָענט צו איר. טעלעגראַפירן איז דאָך גאָר קיין מעגלעכקייט ניט געווען. איך גיי אַרויס אויפן גאַס און פּרוב זיך פרעגן, וויפיל וועט נעמען א דראָזשקע אויף זאַיאַטשי פּערעאולאָק, ניט ווייט פון ניקאָלאַיעווער וואָקזאַל. מען בעט 60—80 רובל! פאַר מיינע פריערדיקע באַגריפן איז דאָס געווען אַן אומגעהייער גרויסע סומע. פאַר דעם געלט האָט אַמאָל אין רוסלאַנד געקענט באַלעבאַטיש לעבן א גאַנצע פאַמיליע.

נאָר אַז ס'גליקט, גליקט אין אַלץ. גראָד איז געשטאַנען א קליינער אויטאָמאָביל פון רויטן קרייץ, און דער שאָפער האָט מיר פאַרגעלייגט צו פירן פאַר 25 רובל. אין א האַלב שעה אַרום האָב איך שוין געקלונגען אין הויז פון מיין פאַמיליע, וואָס האָט גאָרניט געחלומט וועגן מיין קומען.

דאָ איז ניט דער אָרט צו באַשרייבן מיינע אינעווייניקסטע איבערלעבונגען. די קלענערע קינדער זיינען שוין אויסגעוואַקסן, די עלטערע טאָכטער איז מיט מזל געוואָרן אַ כלה. דאָס געהערט אָבער ניט צום ענין, מיינע זכרונות זיינען שוין אַזוי אויך צו לאַנג און האָבן מיר פאַרפירט ווייט פון דער טעמע. ס'וואָלט יאָ געלוינט אפשר צו באַשרייבן גענויער מיינע איינדרוקן פון לענינגראַד און מאָסקווע, ווי זיי האָבן אויסגעזען דאַמאָלסט, אין מאַי 1918 — אָבער אויך דאָס וואָלט מיך ווייט פאַרפירט.

ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט ניט איבערגעלעבט די רוסישע רעוואָלוציע פון פעברואַר 1917 און אויך די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און איז מיט אַמאָל אַריינגעפאַלן אין נייעם רוסלאַנד, נאָך לעבנדיק מיט די פריערדיקע באַגריפן פון דער צאַרישער רוסלאַנד — איז דער איבערגאַנג געווען אַ משונהדיקער, פּשוט ווי אַ חלום.

מען דאַרף צוגעבן, אַז אין מאַי 1918 איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעזשים ניט געווען אַזוי אומבארחמנותדיק, ווי ער איז געוואָרן שפּעטער. די גרויסע געשעפטן זיינען, אמת, געווען פאַרמאַכט, אָבער די קליינע זיינען נאָך געווען אָפן, פּריוואַטער האַנדל האָט נאָך עקסיסטירט. די גאַסן זיינען געווען פול. דאָ און דאָרטן אויף די פּלעצער פלעגן פאָרקומען פרייע פאַרזאַמלונגען. משונהדיק פאַר מיר האָבן אויסגעוויזן די זעלנער מיט ביקסן און קליינע רויטע פאָנעס אויף די באַגנעטן. דאָס פאָרן אין די טראַמווייען איז געווען אומזיסט, און אויף די גאַסן פלעגן שטיין רייען מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַן אָרט. אויך אויף די אָרטיקע צוגן אַרום פּעטערבורג — א מין משא־וואַגאָנען — פלעגט מען קענען פאָרן אומזיסט. אָבער אין א פּאָר טעג אַרום האָט מען שוין געמוזט צאָלן באַגעלט. און צווישן די פויערטעס מיט די זעק פלעגן אויף דעם געביט פאָרקומען גרויסע קאָנפליקטן, מיט אַרעסטן און קאָנפיסקאַציע פון די סחורות.

איך האָב גראָד בייגעוועזן די אימפּאָזאַנטע לוויה פון פּלעכאַנאָוו. הגם ער איז געווען אַ קעגנער פון די באָלשעוויקעס, האָט דער גאַנצער צוג, וואָס האָט זיך געצויגן אויף א האַלבן ווערסט די לענג, מיט קרענץ, רויטע פענדער און אַמאָל שטרענג־פאַרבאָטענע רעוואָלוציאָנערע לידער — געמאַכט א קאָלאָסאַלן איינדרוק.

די יידישע געזעלשאַפטן זיינען נאָך ניט געווען פאַרווערט. איך בין געווען אויף דער זיצונג פון דער פּעטערבורגער קהילה מיט דובנאָוו בראש. איך האָב געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן ווילנע אין זאַל פון דער סינאַגאָגע אין מאָסקווע אונטערן פאָרזיץ פון ראַבינער נוראָק. אויך „יעקאָפּאָ", „אָרט", „אָזע" האָבן נאָך ביסלעכווייז געאַרבעט, און ס'האָט נאָך געשלאָגן דער דופק פון דער פריערדיקער טעטיקייט.

אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע האָט מען אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון יענער וועלט. די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער, דער עיקר מיינע ווילנער לאַנדסלייט, האָבן מיט גרויס אינטערעס געהערט מיינע דערציילונגען וועגן דער דייטשער אָקופּאַציע. אַלע האָבן זיך געריסן אַהיים, און די פראַגע וועגן רעעוואַקואַציע איז געשטאַנען דאַמאָלסט ביי אַלע נאַציאָנאַליטעטן (פּאָלאַקן, יידן, ליטווינער, לעטן א. א.) אין דער גאַנצער ברייט און ערנסטקייט.

זייענדיק אין פּעטערבורג, האָב איך באַקומען אַ ביסל געלט פאַר ווילנע פון „יעקאָפּאָ״, „אָרט״ און „אָזע״, און פון דאַן אָן קען מען רעכענען די התחלה פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן אין ווילנע.

נאָר איידער איך וועל איבערגיין צום אָנהייב פון דער אַרבעט פון ווילנער „יעקאָפּאָ״, וויל איך נאָך דערציילן — האַלטנדיק זיך אָן דעם כראָנאָלאָגישן סדר — ווי איך בין געקומען צוריק אַהיים אין ווילנע.

מיין „אויסווייז״ פון ווילנע ביז טורמאָנט, וואָס איך האָב באַקומען פון דער דייטשער מאַכט, האָט געהאַט אַ טערמין פון 28 טעג. צו דעם טאָג האָב איך שוין געמוזט זיין צוריק. אין ווילנע האָב איך — דער ערשטער — באַקומען פון דער דייטשער ציוויל-פאַרוואַלטונג אַ פאָרמעלע ערלויבעניש (מיט פאָטאָגראַפיעס) פאַר מיין פרוי און קינדער זיך אומצוקערן קיין ווילנע. דאָס האָט געהאַט די קראַפט פון אַ פּאַס. איך אָבער — ווי אַזאַ, וואָס וואוינט שוין אין ווילנע — האָב די דאָזיקע ערלויבעניש ניט געהאַט. געפאָרן מיט מיר זיינען דערווייל מיינע עלטערע צוויי קינדער — טאָכטער און זון.

אַפריער האָבן מיר געדאַרפט באַקומען אַן ערלויבעניש פון דעם הויז-קאָמיטעט אין פּעטערבורג אויף אַרויסצופאָרן. דערביי האָבן מיר געדאַרפט אָפּגעבן אונדזערע ברויט-קאַרטן. נאָך אַ ריי אַנדערע פאָרמאַליטעטן האָבן מיר שוין געקענט אַרויספאָרן, און אויף מאָרגן זיינען מיר שוין געווען אין טאָראָשינאָ. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ ריי שטערענישן.

ערשטנס, האָט מען געדאַרפט אויסמיידן די רוסישע וואַך, וועלכע פלעגט שטרענג אַלעמען אונטערזוכן און ניט לאָזן אַרויספירן קיין געלט און קאָסטבאַרע חפצים. דערביי האָט מען דערציילט פלערליי מעשיות, ווי די רעעמיגראַנטן פלעגן באַהאַלטן געלט און בריליאַנטן (שפּעטער — אַ יאָר 3 נאָכאַנאַנד — פלעגן אַלע פאָרן אין עשאַלאָנען חדשים-ווייז אין די באַרימטע „טעפּלושקעס״). מען פלעגט שלינגען בריליאַנטן, באַהאַלטן נאָלד אין איינגעמאַכץ, באַהאַלטן אין די פאַרבאָרגנסטע טיילן פון קערפּער. איינע אַ פרוי האָט געהאַט מיט זיך אַ קאַץ, וואָס ביי איר אונטער דער הויט זיינען פאַרנייט געוואָרן זייער קאָסטבאַרע בריליאַנטן. אַלץ איז געגאַנגען בשורה, אָבער אויפן גרעניץ איז די קאַץ אַנטלאָפן. די פרוי איז געווען גענייטיקט צו אַנטדעקן איר סוד, און אַ מחנה גרעניץ-וואַך האָט זיך געלאָזט אָניאָגן דאָס קעצל.

אונדז האָט אַ פורמאַן געפירט אַזוי קונציק, אַז מיר האָבן אויסגעמידן די רוסישע גרעניץ-וואַך און זיינען געקומען ניט געשטערט צו דער דייטשער גרעניץ אין פּסקאָוו. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדז לאָזט מען ניט דורך אָן אַ ספּעציעלער ערלויבעניש פון דעם פּאַס-אַמט אין פּסקאָוו. מיר זיינען געבליבן נעכטיקן אויף דער זייט גרעניץ ביי אַ רוסישן פורמאַן, און אויף מאָרגן פרי האָב איך געבעטן די וואַך מיך אַרויסלאָזן אַליין אָן זאַכן, כדי זיך משתדל זיין ביים פּאַס-אַמט וועגן אַ דורכלאָזשיין. דער פּאַס-אַמט האָט אָבער אונדז קיין ערלויבעניש ניט געוואָלט אַרויסגעבן, און קיינע פון מיינע באַקאַנטע האָבן מיר ניט געקענט העלפן. ענדלעך האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף אַ יידישער שטוב, וואו ס'פלעגן איינגיין דייטשע סאָלדאַטן. דאָרטן האָבן זיך געפונען 2 יונגע דייטשלעך, וואָס האָבן זיך גענומען פאַר 40 רובל „קערענקעס״ מיך און מיינע קינדער און מיין געפּעק אַריבערצופירן איבער די גרעניץ — 4 אַ זייגער ביי טאָג, ווען ס'בייט זיך די וואַך און דער אָפיצער גייט אַוועק. זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז אויף יענער זייט זאָל שוין שטיין אָנגעגרייט אַ דראָזשקע מיט די זאַכן, די קינדער זאָלן שטיין דאָ ניט ווייט, און איך זאָל זיצן ביי דער גרעניץ אויף דער באַנק, גאָרניט מאַכנדיק זיך וויסן, אַז איך האָב וועלכע ס'איז שייכות צו דער גאַנצער זאַך.

איך האָב אַלץ געטאָן, ווי מען האָט מיר געזאָגט, און געזעסן פלומרשט רויִק, זייענדיק אין גרויס ספק, צי די גאַנצע ריזיקאַלישע אַפּערע וועט זיך איינגעבן.

אין דער אָפּגערעדטער שעה איז איינער פון די זעלנער אַריין דורך דער גרעניץ צו אונדז אויף דער זייט, גענומען אונטערן האַנט מיין טאָכטער און פלומרשט שפּאַצירנדיק, זי דורכגעפירט דורך די אַרומיקע גערטנער אינמיטן שטאָט אַריין. דערנאָך האָט ער דאָסזעלבע געטאָן מיט מיין זון. דערווייל איז דער אַנדערער זעלנער אויך אַדורך די גרעניץ, זיך געזעצט אויף דער דראָזשקע מיט מיינע זאַכן, אַ שמיץ געטאָן דעם פערד און דורכגעפאָרן פאַרביי דער וואַך אין שטאָט אַריין. איך האָב געקוקט ווי אויף אַ מין קינאָ-פאָרשטעלונג, אָבער מיט אַמאָל האָט איינער פון דער גרעניץ-וואַך אַ געשריי געטאָן: „שטיי!״, און דער זעלנער אויף דער דראָשקע האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן. ער האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן, צוגעגאַנגען צו איינעם פון די וואַך-זעלנער, עפּעס אים געזאָגט אויפן אויער און האָט זיך ווייטער געזעצט אויף דער דראָזשקע און איז שוין אומגעשטערט אַריינגעפאָרן אין שטאָט.

איצט איז געבליבן מיר אַליין זיך אַריבערפּעקלען אין שטאָט. איך בין זיך גאַנץ גלייכגילטיק צוגעגאַנגען צו דער וואַך און געבעטן מיך אויף אַ ווייל לאָזן גיין אין שטאָט אַריין עפּעס קויפן. דער דאָזיקער מאַנעוור איז גוט געלונגען, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין מלא שמחה געזעסן אויף דער דראָזשקע צוזאַמען מיט מיינע קינדער. איך האָב ניט געוואוסט, ווי צו דאַנקען מיינע רעטער. זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַלעבאַטישע קינדער, מיר געגעבן זייער אַדרעס אין דייטשלאַנד, און מיר האָבן צוגעזאָגט נאָך דער מלחמה איינע מיט אַנדערע צו קאָרעספּאָנדירן.

איך דערצייל דאָ די אַלע פרטים, ווייל איך האַלט, אַז זיי כאַראַקטעריזירן אַ ביסל די דאָזיקע עפּאָכע. פון איין זייט איז שוין כמעט אַלץ געווען דעמאָראַליזירט, און פאַר אַ רובל האָט כען אַלעמען געקענט אונטערקויפן. אָבער דאָס אַליין — מיין איך — דערקלערט נאָך ניט אַלץ. ניט קיין קלענערע ראָלע האָט געשפּילט דאָס, וואָס יעדן איינעם פון די דייטשע מיליטערלייט איז שוין נמאס געוואָרן די מלחמה מיט אירע גרויזאַמקייטן און ניט איינער פון זיי האָט זיך אינעווייניק מיט שנאה באַצויגן צו דעם גאַנצן מיליטערישן רעזשים. לייענדיק ניט לאַנג דאָס באַרימטע רעמאַרקס בוך „אויפן מערב-פראָנט קיין שום נייס״, איז די זאַך מיר נאָך קלאָרער געוואָרן.

אין פּסקאָוו האָב איך ווייטער געטראָפן מיין ווילנער באַקאַנטן ראַב. ער האָט שוין ליקווידירט זיין פריערדיקן דורכפאַל, האָט ווידער „געשמוכלט״ און איז ווידער געווען תקיף. ער האָט — מיט פלערליי שווינדלערייען — באַקומען פאַר מיר און מיינע קינדער פאַלשע דורכלאָז-שיינען און גענומען פאַר אונדז באַנבילעטן. אין דער נאַכט אין צוג זיינען מיר ווידער שיר ניט אַריינגעפאַלן, ווייל ס'איז אומדערוואַרט געקומען אַ שטרענגער קאָנטראָלער. אָבער פאַר אַ שנאַפּס מיט גוטן כיבוד האָט די חברה אים איינגעשטילט. אַזוי זיינען מיר געקומען פון פּסקאָוו קיין דענעבורג.

פון דאַנען איז מיט אונדז מיטגעפאָרן אַ דייטשער מיליטער-באַאַמטער, וועלכן ראַב. האָט אָנגעגעבן. אין טורמאָנט בין איך שוין ווידער געווען לעגאַל, און

פונקט אויפן 28-טן טאָג פין איך צוריקגעקומען אין ווילנע און געבראַכט מיט זיך מיינע קינדער. די גאַנצע העכסט ריזיקאַלישע נסיעה איז מיר אַלזאָ גוט געלונגען — ניט צוליב מיין פריהשקייט, נאָר פשוט צוליב אַ ריי געפעליקייטן, וועלכע מענטשן האָבן מיר געטאָן. איך דערמאָן זיי דאָ אַלעמען מיט גרויס דאַנקבאַרקייט.

אָבער, אַז איך פרעג זיך ווידער, ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען, קען איך דאָס דערקלערן דער עיקר מיט דעם, וואָס אָפּנאַרן די מאַכט און אַרומגיין די דאַמאָלדיקע מיליטערישע געזעצן — איז געווען אַ מין ספּאָרט און בראַוואורקייט. מענטשן זיינען געוואָרן הפקר, האָבן ניט איין מאָל געזען דעם טויט אין די אויגן און געוואָרן פאַרגרעבט און פאַרהאַרטעוועט. צווישן די דייטשע מיליטער-לייט זיינען אויך געווען פאַרשיידענע מענטשן אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער געוועזענער סביבה און פריערדיקער באַשעפטיקונג. די פּרייסישע יונקער — ווי מיר האָבן פיל פון זיי געזען אין ווילנע — זיינען געווען אין זייערע מעשים, ווי זיי פלעגן זיך אויסדריקן „ריקזיכטסלאָז“, אומברחמנותדיק און נוקמדיק. ד"ר ליכטענשטיין פון וואַרשע — אַ געוועזענער רוסישער מיליטער-דאָקטאָר, וואָס האָט זיך בעת מיין דורכפאָר געפונען אין פּסקאָוו, — האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז דער לייטענאַנט פון פּאַס-אַמט, וואָס האָט מיך ניט געוואָלט דורכלאָזן צוריק פון פּסקאָוו, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין פאָרט דורכגעפאָרן, האָט געפאָדערט פאַר מיר ניט מער און ניט ווייניקער, ווי טויט-שטראָף!

V.

ווילנע איז אין דער אַנדערער העלפט 1918 געוואָרן אַלץ לעבעדיקער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אומצוקערן פון רוסלאַנד די אַנטלאָפענע און די קריגס-געפאַנגענע. אויך די היימלאָזע פון שטאָט האָבן אָנגעהויבן אָפּצוטאָרן. דער יידישער קאָמיטעט האָט שוין ניט געקענט פאַרטיק ווערן מיט דער נייער אַרבעט אויף צו רעגולירן די רעעמיגראַציע און צו העלפן די עמיגראַנטן, ווי ס'איז זיך איינצואָרדענען אויף די פריערדיקע ערטער. פיל פון זיי האָבן זיך אויך גענויטיקט אין שפּייז, אין קליידונגן; פאַר די קינדער האָט מען געדאַרפט זאָרגן אויך וועגן געהעריקער דערציאונג. ס'האָט זיך אויף אַזאַ אופן געשאַפן די נויטיקייט צו בילדן אַ באַזונדערן קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר די געליטענע פון דער מלחמה — אין ווילנע און דער עיקר אין דער גאַנצער אַרומיקער פּראָווינץ.

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער ווילנער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“. פאַר דער שטאָט האָט ווי ס'איז געזאָלט זאָרגן דער ווילנער קאָמיטעט און דערנאָך די דעמאָקראַטיש-געוויילטע קהילה. די גרויסע געגנט איז אינגאַנצן געלעגן אויף „יעקאָפּאָ“. מיט די פּאָר טויזנט רובל, וואָס איך האָב געבראַכט פון פּעטערבורג און דורך דער ווייטערדיקער שטיצע, וואָס מיר האָבן פון דאָרטן אַ געוויסע צייט (ביז ס'איז ניט איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד) באַקומען, האָבן מיר אָנגעהויבן די אַרבעט.

ס'זיינען געקומען נייע כלל-טוער (ל. יפה, ש. אַנ-סקי א. א.). מיר האָבן געבילדעט אַ צייטווייליקן פּרעזידיום: איך אַלס פאָרזיצער, אַנ-סקי און יפה — וויצע-פאָרזיצערס, מ. שאַליט — סעקרעטאַר.

די אַרבעט פון קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ האָט אין די פאַרגאַנגענע לעצטע 10 יאָר געשפּילט אַ זייער גרויסע ראָלע אין דער אויפבויאונג פון די רויִנירטע יידישע ישובים און האָט געפונען אַ גרויסע אָנערקענונג ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג און אויך ביים אַמעריקאַנער „דזשוינט“.

איך פערזענלעך, זייענדיק פאַרנומען מיט פילע אַנדערע ענינים, האָט צום ווייניקסטנס אויסגעטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט. אין די לעצטע יאָרן פיגוריר איך מערניט נאָמינעל און בלויז כלפי חוץ. דעריבער דאַרפן אַלע פאַרדינסטן, וואָס „יעקאָפּאָ“ האָט ערוואָרבן, צוגעשריבן ווערן אַנדערע כלל-טוער, דעם גענעראַל-סעקרעטאַר משה שאַליט און זיינע מיטאַרבעטער.

איך וויל דאָ אגב דערמאָנען, אַז דער ווילנער „יעקאָפּאָ“ האָט זיך מיט זיין פילזייטיקער אַרבעט געשטעלט, ווי אַ צענטראַלע אינסטיטוציע. אַלס אָפּטיילונג פון פּעטערבורג, האָט ער שוין צוליב דעם אַליין ניט געקענט זיין, ווייל פון רוסלאַנד זיינען מיר גיך געוואָרן אָפּגעריסן, און פּעטערבורג האָט בכלל אויפגעהערט צו ווערן אַלס צענטער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אויך בעת מאָדעל און יעפּראַיקין — די טוער פון פּעטערבורגער „יעקאָפּאָ“ — און דערנאָך ל. בראַמסאָן זיינען געקומען צו אונז מיט דעם פאָרשלאַג, מיר זאָלן זיך אָנשליסן אָן אַ נייער יידישער אַלוועלטלעכער צענטראַלע, וואָס דאַרף געבילדעט ווערן אין אויסלאַנד און אַרומנעמען די אַרבעט פון אַלע יידישע געזעלשאַפטן, האָבן מיר אויף דעם ניט געקענט איינגיין, ווייל דאָס וואָלט טאָרמאָזירט אונזער אַרבעט אויף אַן אָרט.

די פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ“ זיינען גענוי באַשריבן אויף די בלעטער פון דעם דאָזיקן בוך. איך וועל זיך אין מיינע זכרונות דאָ מערניט אָפּשטעלן אויף איינִיקע עפּיזאָדן און מאָמענטן פון דער אַרבעט אין די ערשטע יאָרן.

די אַרבעט פון אונזער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע (סוף 1918), האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך בעת דעם פאַרנעמען די שטאָט דורך די באָלשעוויקעס (5-טן יאַנואַר 1919), אָבער צום אינטענסיווסטן האָט זי אָנגעהויבן צו גיין בעת דעם ערשטן פאַרנעמען די שטאָט דורך דער פּוילישער מיליטער (19 אַפּריל 1919 *). דאַן איז ווילנע גלייך פאַרבונדן געוואָרן מיט וואַרשע, און דורך איר מיט אַמעריקע, ד. ה. מיט דער הילפס-אַקציע פון „דזשוינט“. פיל איז געשריבן געוואָרן וועגן די פּעלערן, וואָס דער אַמעריקאַנער „דזשוינט“ און זיינע שילוחים האָבן געמאַכט בעת זיין הילפס-אַרבעט אין פּוילן: ווייניק גענומען אין אַכט די אָרטיקע באַדינגונגען און די אָרטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס; זיין ביוראָקראַטיזם און פאַרשווענדערישע הוצאות אויף דער אייגענער אַדמיניסטראַציע. אָבער דאָס אַלץ האָט נעהאָט זיין פאַרענטפערונג. מיט גרויס דאַנקבאַרקייט מוזן דאָ דערמאָנט ווערן די אומגעהייערע נוצן, וואָס די הילף פון „דזשוינט“ האָט געבראַכט. דאָס וואָס די אַמעריקאַנער יידן האָבן אויפגעטאָן מיט די קאָלאָסאַלע מיטלען, וואָס זיי פלעגן מנדב זיין אין משך פון די מלחמה- און נאָך מלחמה-יאָרן, איז גאָרניט אָפּצושאַצן. צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס זיינען דורכדעם בוכשטעבלעך געראַטעוועט געוואָרן פון טויט, פון קראַנקייטן, פון עקאָנאָמישן און מאָראַלישן אונטערגאַנג. מיט דאַנקבאַרקייט דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די נעמען פון די פיל אומדערמידלעכע דזשוינט-טוער, פון וועלכע עטלעכע זיינען שוין טויט, ווי דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער ד"ר באָריס באָגען.

---

*) אַלס געגנט-קאָמיטעט איז „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דער זיצונג פון 16-טן פעברואַר 1919.

רעד.

אויך פּוילן בכלל, די התחית־המתים אויפגעשטאַנענע מלוכה, האָט זייער פיל גענאָסן פון דער אַמעריקאַנער הילף און פונם „דזשוינט" באַזונדערס. די מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס פלעגן אַריינקומען אין פּוילן — סיי דורך פּריוואַטע פּערזאָנען צו די קרובים, סיי פאַר די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — האָבן באַרייכערט די מלוכהשע באַנק און געשטאַרקט די פינאַנצן פון לאַנד. די טויזנטער וואַגאָנעס מיט שפּייז — ווייצענע מעל, צוקער, קאַקאָ, קאָנדענסירטע מילך א. ד. גל. — האָבן אונטערגעהאַלטן דאָס לעבן פון דער פילמיליאָניקער פאַרהונגערטער באַפעלקערונג פון לאַנד. די טויזנטער וואַגאָנעס מיט קליידונג, וועש, מעדיקאַמענטן און מעדיצינישע מכשירים האָבן געראַטעוועט פון קראַנקייטן צענדליקער טויזנטער מענטשן. אַן אומשטערבלעכן פאַרדינסט האָט אין דעם געהאַט דער געוועזענער שפּייזדיקטאַטאָר און איצטיקער פּרעזידענט פון די אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן הובער. ניט אומזיסט פייערט נאָך עד היום אַלע יאָר גאַנץ פּוילן דעם טאָג פון דער אַנטשטייאונג פון דער גרויסער אַמעריקאַנער רעפּובליק!

אַ באַזונדערס אינטענסיווע און וואוילטעטיקע אַרבעט האָט געפירט חוץ דעם דזשוינט אויך דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון קינדערהילף (א. ק. פּ. ד.) און דער אַמעריקאַנער רויטער קרייץ. דער קאָ־פּע־דע האָט יאָרנלאַנג געשיקט קיין פּוילן גוואַלדיק גרויסע סכומען פון שפּייז און אַלערליי וועש און קליידונג פאַר אַלע קינדער, אָן אויסנאַם פון נאַציאָנאַליטעט, און אָרגאַניזירט אויך אָרטיקע קאָמיטעטן אין אַלע גרעסערע און קלענערע שטעט און שטעטלעך. דאָ איז די יידישע פאַרשטייער אויסגעקומען, ס׳פאַרשטייט זיך, צו קעמפן פאַר דעם, אַז מיר זאָלן האָבן אַ גענוגע רעפּרעזענטאַנץ אין די דאָזיקע קאָמיטעטן, און אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל ניט באַעוולט ווערן. אויב די גרעסערע שטעט האָבן געהאַט גענוג איינפלוסרייכע יידישע פאַרשטייער, וואָס האָבן געקענט קעמפן פאַר זייער גלייכבאַרעכטיקונג אין דעם פּרט, האָט די דאָזיקע ראָלע אין דער פּראָווינץ גענומען אויף זיך „יעקאָפּאָ" און פלעגט טאָקע באַקומען גרויסע סכומען פון אַלערליי פּראָדוקטן, מעדיקאַמענטן און וועש. די סקלאַדן פון „יעקאָפּאָ" זיינען געווען די רייכסטע און האָבן יאָרנלאַנג געדינט מיט זייערע זאַפּאַסן פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג — אויך אין אַ עת צרה, בעת די הילף פון אַמעריקע פלעגט זיך צוליב פּאָליטישע (מיליטערישע) סיבות אָפּשטעלן.

מען האָט דערציילט, אַז כדי צו קענען פריי אַרבעטן אין פּוילן, האָט דער „דזשוינט" געמוזט טאָקע געוויסע (און ניט קיין קליינע) סומעס פאַרווענדן אויך פאַר דער קריסטלעכער פּוילישער באַפעלקערונג — הן דירעקט אין פאָרם פון געלט, הן אומדירעקט, אין פאָרם פון זאַכן. איך געדענק אויך, אַז דער „דזשוינט" פלעגט שיקן זיינע אייגענע אויטאָמאָבילן אויפן פראָנט, כדי צו פאַרטיילן צווישן דער פּוילישער מיליטער פּראָדוקטן, וועש און מעדיקאַמענטן. די אויטאָמאָבילן האָבן געזאָלט האָבן דייטלעכע אויפשריפטן, פון וועלכע מען זאָל קענען זען, אַז דאָס שיקט דער יידישער פאַרטיילונגס־קאָמיטעט פון אַמעריקע. מיט דעם האָט מען געמיינט צו פאַרשוואַכן די פיינדלעכע באַציאונג מצד דער פּוילישער מיליטער צו דער יידישער באַפעלקערונג. ס׳האָט זיך אָבער געפונען אַזאַ חכם צווישן די שילוחים פון „דזשוינט", וואָס האָט גראָד די אויפשריפטן פאַרמעקט!

דאָס אַריבערפירן די אַמעריקאַנער פּראָדוקטן אין די שטעטלעך איז די ערשטע צייט פון דער פּוילישער הערשאַפט (1919) ניט געווען אַלע מאָל פון די לייכטע זאַכן. איינמאָל בין איך צוזאַמען מיט איינעם פון די באַפולמעכטיקטע פון „יעקאָפּאָ" ה׳ י. וואָלק געפאָרן אויף דעם „דזשוינטס" אַ קליינעם פאָרד קיין פּאָדבראָדז און אין סוועניציאַן מיט פּראָדוקטן. מיר האָבן פאַרטיילט די פּראָדוקטן און זיך רואיק מיט דעם זעלבן וועג געפאָרן צוריק. מיט אַמאָל זיינען מיר אין פּאָדבראָדז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דעם קאָמענדאַנט, מען האָט אונז אונטערזוכט און געמאָלדן, אַז מיר זיינען אַרעסטירט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון פּאָדבראָדז קיין סוועניציאַן טאָר מען דורך דעם וועג ניט פאָרן; דאָס איז נאָך מלחמה־פראָנט, און דאָס אַריבערגיין די גרענעץ שמעקט מיט טויטשטראָף. ס׳האָט ג״ט געהאָלפן מיין השתדלות ביים גענעראַל (דוכט זיך, שעפּטיצקי), וואָס האָט דאָ ניט ווייט געוואוינט אין זיין הויפּט־קוואַרטיר, און די דערקלערונג וועגן דעם ציל פון מיין רייזע. דאָס איינציקע, וואָס ס׳איז מיר געלונגען צו פּועלן איז געווען, מען זאָל מיר לאָזן פאָרן מיט אַ זשאַנדאַרם קיין ווילנע, וואו מען קען מיר. אין ווילנע האָט זיך טאָקע די זאַך אויפגעקלערט, און מיר זיינען אין אָוונט פרייגעלאָזן געוואָרן. פאַר די צייטונגס־רעפּאָרטערן איז דאָס אָבער דערווײלע געווען אַ טעמע פאַר סענסאַציעס. מען האָט גלייך טעלעגראַפירט אין די וואַרשעווער צייטונגען, ס׳האָט זיך באַקומען אַ טעלעגראַם פון ד״ר באָגען אין נאָמען פון „דזשוינט", אין וועלכן ער בעט מיך באַפרייען, א. אַז. וו.

בעת די באָלשעוויקעס האָבן אין יולי 1920 ווידער פאַרנומען ווילנע און אין שטאָט און פּראָווינץ האָבן געפעלט פּראָדוקטן, זיינען די אַמעריקאַנער זאַפּאַסן פון „יעקאָפּאָ" זייער צוניצגעקומען פאַר דער נויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג, ביז וואַנען מיר זיינען ווייטער פאַרבונדן געוואָרן מיט וואַרשע. אויך איז „יעקאָפּאָ" אַריין אין פאַרבינדונג מיטן „ליטקרעסט" און זייער ענערגיש געאַרבעט אויפן געביט פון רעעוואַקואַציע. נאָך פרוכטבאַרער איז געגאַנגען די אַרבעט, ווען די ליטווינער האָבן פאַרביטן די באָלשעוויקעס און האָבן פאַרנומען די „הויפּטשטאָט פון ליטע".

אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין די צייטן פון „מיטל־ליטע", וואָס איז צייטווייליק געשאַפן געוואָרן דורך דעם גענעראַל זשעליגאָווסקי. ווילנע האָט ווידער באַקומען די מעגלעכקייט זיך קאָמוניקירן מיט וואַרשע (הגם מיט גרויסע שוועריקייטן), און ס׳האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן די הילף פון קאָ־פּע־דע, וואָס איז געוועסט איבערגעריסן געוואָרן (יולי—אָקטאָבער). צוזאַמען מיט אַ ליטווישן קסיאָנדז זאַיאָנטשקאָווסקי און אַ פּאָליאַק אַלעקסאַנדראָוויטש בין איך געפאָרן אין אַ דעלעגאַציע פון ווילנע קיין וואַרשע און געפּועלט, אַז דער אַמעריקאַנער רויטער קרייץ און קינדער־קאָמיטעט זאָלן ווידער ביי אונז אָנהייבן צו אַרבעטן. די נסיעה איז געווען ניט קיין לייכטע. מיר זיינען געפאָרן מער ווי 24 שעה. ביז לידע (די גרענעץ פון „מיטל־ליטע") זיינען מיר געפאָרן אין אַ משא־וואַגן. פון דאָרטן האָט מען געדאַרפט באַקומען אַ נייע ערלויבעניש, ווי פון עלומרשט אַן אַנדער מלוכה. די וואַגאָנעס זיינען געווען מיט צעבראָכענע שויבן און פול מיט מיליטער.

צוריק האָב איך דאַמאָלס געפירט אַ גאַנצן טשעמאָדאַן מיט פּוילישע געלט (אין 100 און 500 פּוילישע מאַרק), וואָס איך האָב באַקומען אין וואַרשע פאַר די רעאַליזירטע דייטשע מאַרקן, וואָס דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט בירזש האָט געבראַכט פאַר די ווילנער קרובים. די דאָלאַרן האָט בירזש געביטן אין קאָוונע און באַקומען דערפאַר טשעקן פון אָרטיקן יידישן באַנק.

אין ווילנע האט מען זיי אויף קיין פאל ניט געקענט ביטן. אבער אויך דער ווארשעווער באנקיר האט ביי דער דאזיקער טראנזאקציע א שיין ביסל געלט פארדינט.

איך מוז ענדיקן מיינע זכרונות, וועלכע דארפן זיין בלויז א קליינע אילוסטראציע צו די ערנסטע באריכטן, וואס ס'זיינען אין דעם בוך געגעבן. נאר אויב איך האב שוין דא דערמאנט וועגן ביטן געלט, וויל איך וועגן דער דאזיקער פראגע זאגן נאך א פאר ווערטער.

דאס איז געווען אן אמתע פלאג פאר דער ארימער, ליידנדער באפעלקערונג און אן עסק פאר שווינדלער און געוויסנלאזע מענטשן, וואס האבן אויסגענוצט די עת צרה אויף צו פארדינען און זיך צו מאכן גרויסע קאפיטאלן. ס'פארשטייט זיך, אז די עיקר־סיבה איז דא געווען דער פאליטישער מצב אין אייראפע, די צייט פון אינפלאציע.

אפריער האבן די לאגע אויסגענוצט איינצקע פעטערבורגער יידן. די פעטערבורגער קאמיטעטן „יעקאפא“, „אזע“ און „ארט“, וואס האבן אונז אין אנהויב (סוף 1918 און אנהויב 1919) געשטיצט מיט געלט, האבן אייגנטלעך ביי זיך קיין מזומנים ניט געהאט, נאר זיי האבן באקומען א צוזאג פון „דזשוינט“ אין אויסלאנד, אז זיי מעגן לייען אין רוסלאנד געלט, און ער, דער „דזשוינט“, וועט די התחיבות רעאליזירן אין וואלוטע. אויף דעם סמך האט דער פעטערבורגער קאמיטעט פון „יעקאפא“ געליען געלט ביי געוויסע פערזאנען (וויפיל איז מיר ניט באקאנט), ס'פארשטייט זיך, אין רוסישע געלט. איך געדענק, אז מען האט דאס געלט געצאלט בערך 7–8 רובל „דומסקע“ פאר א דאלאר. ס'איז באקאנט, וואס פאר א ווערט ס'האט באלד נאכדעם געהאט דאס רוסיש געלט, בעת שפעטער האבן די דערמאנטע פערזאנען באקומען אין אויסלאנד פאר דאס געליענע רוסישע אנטווערטעטע געלט גאנץ שיינע סומעס אין וואלוטע.

אנהויב 1919 האבן זיך צו אונז אין ווילנע אויך געווענדעט פארשיידענע פארשוינען און פארגעלייגט אזא קאמבינאציע, בתוכם דער צייטווייליקער קאלעגיע פון דער קהילה. אבער מיר האבן זיך פון דער דאזיקער סובה אפגעזאגט.

אין פוילן אין 1919 און שפעטער איז געווען דער קורס פון דאלאר פון 20 ביז 3–4 הונדערט (און נאך מערער) פוילישע מארק. ווען אן אמעריקאנער פלעגט ארויסשיקן דורך א באנק דאלארן פאר זיינעם א קרוב, פלעגט ער בארעכענען דעם קורס אין פוילישע מארקן אזוי, ווי ער איז געשטאנען אינם טאג פונם ארויסשיקן. בעת דער קרוב פלעגט אבער דאס געלט באקומען, פלעגט שוין דער קורס פון דאלאר זיין צענדליקער מאל העכער, און באקומען פלעגט ער לויט דעם קורס פון פריער. ס'פארשטייט זיך, אז די געוויסנלאזע באנקירן פלעגן זען, וואס שפעטער אפצוגעבן דאס געלט און וואס מערער אויף דעם צו פארדינען.

אויך דער „דזשוינט“ פלעגט דאס געלט ארויסגעבן די אינסטיטוציעס ניט אין דאלארן, נאר אין פוילישע מארקן. אין דאס רוב פאלן האט די פוילישע רעגירונג — צוליב איר אייגענע פינאנציעלע אינטערעסן — אליין געפאדערט, אז דער „דזשוינט“ זאל באקומען פון די בענק זיינע פאנדן נאר אין פוילישע פאפירגעלט.

אזוי ארום פלעגן די בענק און אויך פריוואטע פערזאנען שטארק עקספלאאטירן די פריינדבילקייט פון די אמעריקאנער יידן. ערשט מיט א צייט שפעטער איז דער געזעלשאפט „היאס“ און נאכדעם דעם „יעקאפא“ געלונגען צו פועלן, אז דאס געלט, וואס ווערט געשיקט פון אמעריקע — צי פאר פריוואטע פערזאנען, צי פאר אינסטיטוציעס — זאל ארויסגעגעבן ווערן אין וואלוטע.

אין די לעצטע יארן — בערך פון 1924 — בעת דער פוילישער גילדן איז געווארן סטאבילירט (א פריער 5.18 און דערנאך 8.88 זלאטעס פאר 1 דאלאר) איז דאס ביטן געלט שוין געווארן נארמאליזירט, און קיין מעגלעכקייט צו מיסברויכן אין דעם פרט איז ניט פאראן.

צום סוף מוז דא פעסטגעשטעלט ווערן, אז די גאנצע שטיצע פון אמעריקע — ווי ס'איז צו זען פון דעם גאנצן בוך — איז אין די לעצטע יארן איינגאנצן איבערגעגאנגען אויף פראדוקטיווע, קאנסטרוקטיווע הילף. דאס איז שוין לאנג געווען די שטרעבונג פון די ארטיקע כללטוער און אויך פון די ארגאניזאטארן פון דער הילפס־אקציע אין אמעריקע. „יעקאפא“ ארבעט שוין לאנג אין דער דאזיקער ריכטונג, און דאס איז איינע פון די וויכטיקע סיבות, וואס זיין ארבעט האט בעפינען די אלגעמיינע אנערקענונג.

ס'זיינען פארביי 10 יאר נאכן סוף פון דער מלחמה. די אמעריקאנער וואוילטעטיקייט האט זייער פיל אויסגעטאן אויף צו היילן די וואונדן פון דער מלחמה. אבער דאס פוילישע יידנטום לעבט נאך איבער א שווערן עקאנאמישן קריזיס. דאס הענגט בלי ספק אפ פון א גאנצער ריי עקאנאמישע און פאליטישע פאקטארן, וואס זיי דא ארומצורעדן גייט ניט אריין אין אונזער טעמע.

ס'פאדערט זיך א ראדיקאלער איבערבוי פון דער סאציאלער סטרוקטור פון דעם פוילישן יידנטום, כדי עס צו פארהיטן פון א פולשטענדיקער פאופעריזאציע און אונטערגאנג. ס'איז אומבאדינגט נויטיק צו געפינען נייע פראדוקטיווע פרנסות פאר דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן, נייע מעגלעכקייטן צו באקומען ארבעט. די פוילישע יידן מוזן נעמען א גרויסן אנטייל אין לאנדווירטשאפט און אין אלע צווייגן פון קוואליפיצירטער האנטווערקעריי. דערצו זיינען נייטיק קאלאסאלע פינאנציעלע מיטלען, ווי אויך א צוזאמענארבעט פון אלע געזעלשאפטלעכע כחות.

„יעקאפא“ מוז פיל מיטהעלפן אויף דעם דאזיקן געביט.

ד״ר צ. שאבאד.

[illegible], 1929

דער ערשטער האלבער יאר

16 פעברואר — 1 סעפטעמבער 1919

(באריכט צו דער ערשטער קאנפערענץ פון „יעקאפא“ אין ווילנע)

דער יידישער קאמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה „יעקאפא“ — Еврейскій Комитетъ Помощи — האט זיך געגרינדעט אין רוסלאנד תיכף ווי ס'האט אויסגעבראכן די וועלטמלחמה.

דער מצב וואס איז אנטשטאנען איז צוזאמענהאנג מיט דער מלחמה, האט בולט ארויסגעשטעלט די נויטיקייט דרינגענד צו באשאפן א יידישע ארגאניזאציע פון א ברייטער געזעלשאפטלעכער הילף.

דעם 18־טן אווגוסט 1914 איז אויף אן אלגעמיינער אסיפה פון דער פעטער-

בורנער קהלה אויסגעקליבן געוואָרן דער צענטראַלער הילפס-קאָמיטעט, וועלכער איז גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

שפּעטער האָבן זיך געגרינדעט געגנט-קאָמיטעטן אין אַ ריי גרעסערע פּונקטן, און אָרטיקע קאָמיטעטן כמעט אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד.

די טעטיקייט פון די קאָמיטעטן איז גיך און אומגעהויער אויסגעוואַקסן צוליב די טרויעריקע געשעענישן פון קריג און ספּעציעל צוליב די גירושים, וועלכע זיינען פון דער מאַכט דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ באַזונדער אַכזריות און אין זייער אַ גרויסן מאַסשטאַב.

לויט די סטאַטיסטישע ידיעות פון צענטראַלן קאָמיטעט און פון די געגנט-קאָמיטעטן זיינען אויפן 1-טן סעפּטעמבער 1916 געווען פאַררעגיסטרירט אין די יידישע הילפס-קאָמיטעטן העכער 210000 יידישע היימלאָזע, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אָדער זיינען אַנטלאָפן פון 1907 שטעט, שטעטלעך און ישובים. אויפן 1-טן נאָוועמבער 1916 זיינען שוין געווען פאַררעגיסטרירט 238000 יידישע היימלאָזע. אין דער צאָל זיינען ניט אַריינגערעכנט די היימלאָזע, וואָס זיינען געבליבן אין פּוילן און אין דעם אָקופּירטן טייל פון ליטע (אבאַסט: קאָוונער, גראָדנער, אַ גרויסער טייל פון ווילנער און מינסקער גובערניעס). די אַלגעמיינע צאָל היימלאָזע איז געווען בערך 350000. זיי זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן אָדער זיינען אַנטלאָפן פון 2019 שטעט, שטעטלעך און ישובים פון תחום-המושב.

די 238000 פאַררעגיסטרירטע היימלאָזע זיינען אַלע געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גענויטיקט און זיינען אָנגעקומען צו די קאָמיטעטן נאָך פאַרשיידענע מינים הילף (מאַטעריעלע און יורידישע), און 169000 פון זיי פלעגן אינגאַנצן אויסגעהאַלטן ווערן פון די קאָמיטעטן.

די אויסהאַלטונג פון די היימלאָזע און אַלע מינים הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען, (דערנערונג, דירות, קליידער, שיך, וועש, מעדיצינישע און יורידישע הילף, פּראָדוקטיווע הילף, קולטורעלע הילף, עוואַקואַציע און רעעוואַקואַציע) האָט פאַר די ערשטע דריי יאָר מלחמה אָפּגעקאָסט 31.000.000 רובל. פון זיי האָבן די רוסישע רעגירונגען געגעבן 17.179.000; אַמעריקע (דער יידישער הילפס-קאָמיטעט פאַר די קרבנות פון מלחמה) 7.258.597; ענגלאַנד (דער יידישער הילפס-קאָמיטעט אין לאָנדאָן און אַנדערע) — 1.693.060; אַפריקע (די יידישע קאָמיטעטן אין קאַפּשטאַדט און יאָהאַניסבורג) — 403.777; שאָטלאַנד (דער קריסטלעכער פאָנד צו העלפן די מלחמה-קרבנות אין רוסלאַנד) — 291.892; פּאַריז (באַראָן ראָטשילד) — 250.000; דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „יעקאָפּאַ" האָט פאַר די דריי יאָר מלחמה אַליין צונויפגעזאַמלט 3.769.799 רובל, פון זיי האָט פּעטערבורג געגעבן 2.012.000 און די פּראָווינץ האָט צוגעשיקט אין קאַסע פון צ"ק בערך 1.700.000 רובל. חוץ דעם האָבן די אָרטיקע קאָמיטעטן געזאַמלט גרויסע סומעס, וועלכע זיי האָבן פאַרווענדעט אויף די ערטער.

די סטאַטיסטישע דאַטן האָבן גענוי באַוויזן, אַז דער רוב היימלאָזע איז פון אונזער געגנט. פון דעם איז קלאָר, אַז הן בנוגע דער רעעוואַקואַציע והן ביי אַלע מינים הילף קומט אויס דעם יידישן געגנט-קאָמיטעט אין ווילנע צו פאַרנעמען אַ צענטראַלן אָרט.

אין די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה האָט דער ווילנער הילפס-קאָמיטעט באַדינט צענדליקער טויזנטער יידישע היימלאָזע און כמעט אַ העלפט פון דער אַלגעמיינער יידישער הילפס-אַרבעט איז אויסגעפאַלן אויף דעם ווילנער הילפס-אַפּאַראַט.

מחמת אַ ריי סיבות און קודם כל צוליב שליסן די גרענעץ האָט זיך די אַרבעט פון הילפס-קאָמיטעט אָפּגעשטעלט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

סוף 1918 און אָנהייב 1919 האָט זיך די אַרבעט פון „יעקאָפּאַ" אין ווילנע ווידער אָנגעהויבן און וואָס ווייטער האָט זי אָנגענומען אַלץ אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

אין פעברואַר 1919 האָבן זיך אין ווילנע ווידער קאָנצענטרירט עטלעכע טויזנט היימלאָזע, פון זיי בערך 800 יידן. דער געגנט-קאָמיטעט האָט תיכּף אָרגאַניזירט פאַר זיי הילף, ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן יקרות און זייער שווערע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעט. דעם קאָמיטעט האָט זיך איינגעגעבן צו רעעוואַקוירן אין פולער אָרדענונג — ביי די אומגעהויער שווערע תּנאָים פון דעמאָלטיקן פאַרקער, — דעם גרעסטן טייל היימלאָזע און האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע הילפס-אַקציע אין מאַטעריעלער, יורידישער און אויספאָרשנדיקער הינזיכט.

אין ווילנע האָט דאַן עקסיסטירט די אַזוי גערופענע קאָלעגיע פון דער ווילנער קהלה. דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" האָט איינגעטיילט די אַרבעט צווישן זיך און דער קאָלעגיע אויף אַזאַ אופן, אַז דער קאָלעגיע איז איבערגעגעבן געוואָרן די אַלגעמיינע הילפס-אַרבעט אין שטאָט (ווילנע), אויף וואָס דער געגנט-קאָמיטעט האָט איר אויסגעטיילט די נויטיקע דערצו געלט-מיטלען. די הילף אין ווילנע, וואָס טראָגט אַ טראַנזיט-כאַראַקטער און די פּראָדוקטיווע הילף אין ווילנע, ווי אויך די גאַנצע אַרבעט אין געגנט, זיינען פאַרבליבן ביים געגנט-קאָמיטעט.

דער געגנט קאָמיטעט האָט דאַן אויך געגרינדעט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צוצוגרייטן און באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן וועגן אויפריכטן די חורבנות פון דער מלחמה.

אַ דרינגנדע גרויסע טעטיקייט האָט דער קאָמיטעט אַנטוויקלט אין די בלוטיקע ווילנער אַפּריל-טעג, אָרגאַניזירנדיק די ברייטסטע יורידישע הילף.

האָבנדיק פאַר זיך אַ גרויסן פעלד פון אַרבעט אין די שווערסטע טעג פון יידישן לעבן, איז דער געגנט קאָמיטעט, וועלכער איז פאַרבליבן דער איינציקער יידישער הילפס צענטער, אָפּגעשניטן געוואָרן פון צענטער און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ קריטישער מאַטעריעלער לאַגע. דער געגנט-קאָמיטעט האָט אָבער תיכּף גענומען זוכן אַן אויסוועג און האָט אויפן חשבון פון צענטראַלן קאָמיטעט געליען די נויטיקע געלטער, כּדי צו קענען ווייטער פירן די אַרבעט. שפּעטער איז געקומען די גרויסע הילף פון „דזשוינט" און די פאַרבינדונג מיט וואַרשע.

דער געגנט-קאָמיטעט האָט אויף אַ מינוט ניט אונטערגעלייגט די אַרבעט. און אַלע איבעריקע יידישע חברות און געזעלשאַפטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אים: „אָרט", „אָזע", „הילף דורך אַרבעט", די קאָלאָניעס „וועליטשאַני" און „זשוראַוויצי", „קינדער-פאַרזאָרגונג", דער קאָאָפּעראַטיוו „אַרבעטער", די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַראיינען, די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציון, די קהלה א. א. די אַלע אַנשטאַלטן, חברות און אָרגאַניזאַציעס האָט דער געגנט-קאָמיטעט אַרויסגעגעבן סובסידיעס און הלוואות אין די קריטישסטע מאָמענטן פון דער עקסיסטענץ און האָט אויף אַזאַ אופן אונטערגעהאַלטן די וויכטיקסטע יידישע איינריכטונגען פון פּראָדוקטיווער הילף און האָט געשטיצט אָרגאַניזירטערהייט הונדערטער און טויזנטער יידישע קינדער און דערוואַקסענע.

לויט די באַזונדערע פאָדערונגען פון יידישן לעבן האָט דער געגנט-קאָמיטעט געגעבן אין באַשטימטע צייטן אויך אַנדערע מינים הילף. אַזוי, למשל, האָט ער, חוץ דער קיך פאַר היימלאָזע און קריגס-געפאַנגענע, ספּעציעל געשטיצט פּסח-צייט נויטבאַדערפטיקע שולקינדער און אין די שווערע טעג נאָך דעם בלוטיקן פּאָגראָם אין ווילנע האָט ער אַנטוויקלט

חוץ דער דערמאָנטער יורידישער הילף אַ ברייטע אינדיווידועלע הילף אויף געזעלשאַפטלעכע פרינציפן, וואָס האָט ניט געלאָזן פאַלן אַ גרויסע ריי אינטעליגענטע פערזאָנען און פאַמיליעס, וועלכע איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט איבערצולעבן דעם מאַטעריעלן קריזיס און ווידער נעמען זיך צו נוצלעכער אַרבעט.

פאַראַלעל מיט זיין הילפס-אַקציע האָט זיך דער געגנט-קאָמיטעט אָפגעגעבן ספעציעל מיט דער אָרגאַניזירונג פון פראָדוקטיווער הילף. ער האָט אונטערגענומען אַ ריי אויספאָרשנדיקע אַרבעטן, אָנהויבנדיק פון די היימלאָזע און ענדיגנדיק מיט די אויפבויענדיקע אַרבעטן אויף די ערטער. ס'זיינען דערצו געגרינדעט געוואָרן באַזונדערע קאָמיסיעס, און ס'איז אויפגעזאַמלט געוואָרן אַ גרויסער סטאַטיסטישער און אויספאָרשונגס-מאַטעריאַל.

סוף מאי 1919, ווען אין ווילנע האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן די דעמאָקראַטיש - אויסגעוויילטע יידישע קהלה, איז די גאַנצע שטאָטישע אַרבעט איבער צו דער קהלה, און דער געגנט-קאָמיטעט האָט חוץ דער טראַנזיט - הילף און די באַציאונגען מיט די צענטראַלע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס פון פראָדוקטיווער הילף אין ווילנע, קאָנצענטרירט זיין טעטיקייט אויסשליסלעך אין געגנט.

די אַרבעט פון געגנט-קאָמיטעט האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשפרייט אין דער גאַנצער געגנט, וואו „יעקאָפאָ" איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע העלפט און בויט אויף די רואינירטע פראָווינץ.

דאָס סיסטעם פון שטרענגער אויספאָרשונג און סטאַטיסטישער אָריענטאַציע, לויט וועלכער די אַרבעט איז געפירט געוואָרן, האָט אַריינגעטראָגן אַ סדר אין דער אָרגאַניזאַציע פון הילף און האָט געגעבן די מעגלעכקייט, ביי די זייער באַגרענעצטע מאַטעריעלע מיטלען און ביי דעם פולשטענדיקן חורבן און באַרוואָרלאָזטן מצב פון דער יידישער פראָווינץ, פאַר אַ פלאַנמעסיקער הילפס-אַקציע אין געגנט און ניט נאָר אין זין פון דירעקטער דרינגענדער הילף, נאָר אויך אין זין פון אויפבויען אַ גאַנצע נעץ פון קיכן, געזעלשאַפטלעכע בעקערייען, גמילות-חסדים, קאָאָפעראַטיוון, ליי- און שפאָר-קאַסעס, אָרטיקע קאָמיטעטן און קהילות.

די דאָזיקע אַרבעט, וועלכע האָט אויפגעוועקט די פראָווינץ און אַריינגעטראָגן אין איר געזונטע יסודות פון זעלבסטטעטיקייט, האָט ביז אונז קיינער ניט געטאָן.

אונזערע באַפולמעכטיקטע, וואָס זיינען אַרומגעפאָרן איבער דער פראָווינץ, האָבן אויף אַ סך מיטגעהאָלפן דער אויסבויאונג פון געגנט, אויספאָרשנדיק דעם מצב אויף די ערטער און אָרגאַניזירנדיק די הילף.

וואָס ווייטער האָט זיך דער ראַיאָן פון געגנט-קאָמיטעט בהכרח אַלץ מער און מער פאַרגרעסערט באַזען, אַז פון געגנט-קאָמיטעט זיינען געשטיצט געוואָרן העכער 80 שטעט און שטעטלעך פון ווילנער גוב., אַ טייל פון מינסקער און גראָדנער גוב.

אויפן יסוד פון די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס דער געגנט-קאָמיטעט האָט געזאַמלט, און פון די אָרטיקע באַריכטן, פלעגט דער קאָמיטעט פעסטשטעלן די פראָפאָרציע פון דער שטיצע פאַר יעדן פונקט באַזונדער אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין בידזשעט פאַר אַלע פונקטן לויט פאָלגנדער גראַדאַציע: א) די צאָל באַפעלקערונג פון שטעטל, ב) די צאָל פון אירע נצרכים, ג) די מדרגה פון אירע הצטרכותן און וויפיל האָט זי געליטן, ד) געפינט זי זיך נעענטער צום פראָנט אָדער ווייטער, ה) האָט זי מוסדות און וועלכע, ו) די מדרגה פון איר אָרגאַניזירטקייט (האָט זי אַ ועד-הקהלה, אַן אויסגעוויילטן קאָמיטעט וכדומה) און וואָס האָט די שטעטל אַליין געטאָן פאַר זיך.

די צוזאַמענשטעלונג פון די אַלע גראַדאַציעס אינאיינעם און זייער פאַרגלייכונג, אין פאַרבינדונג מיט די אויספאָרשונגען פון די באַפולמעכטיקטע, האָט תמיד געגעבן דעם ריכטיקן בילד וועגן מצב פון שטעטל און וועגן די אופנים פון הילף, וואָס דאַרפן דאָרט געגעבן ווערן.

וואָס ווייטער איז אָט די הילף אַלץ געוואָרן גרעסער הן אין הינזיכט פון שטילן די אומגעהויערע נויט פון דער חרוב-געוואָרענער געגנט והן בנוגע דער פראָדוקטיוויטעט פון דער הילף אין דער פראָווינץ, וואָס האָט אָנגעהויבן צו קומען צו זיך נאָך די איבערגעלעבטע בלוטיקע טעג.

דערביי האָט אויך די אויספאָרשונגס-אַרבעט אָנגענומען אַ ברייטערן כאַראַקטער. דער געגנט-קאָמיטעט האָט חוץ די אַלגעמיינע סטאַטיסטישע ידיעות ספעציעל אויפגעזאַמלט די דאַטן וועגן דער צאָל אָרעמע קינדער אין געגנט, יתומים, אַלמנות, פרויען, וואָס זייערע מענער זיינען אין אַמעריקע; קינדער, וואָס זייערע עלטערן זיינען אין אַמעריקע; דער געגנט-קאָמיטעט האָט ספעציעל אויסגעפאָרשט און דרינגענד געגעבן הילף די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין געגנט. דער געגנט-קאָמיטעט האָט געפרובט פאַרבינדן די יידן פון פראָווינץ מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע, אויפזאַמלענדיק אין פראָווינץ די געהעריקע אַדרעסן און ידיעות און אָפשיקנדיק זיי אין וואַרשעווער אַמעריקאַנער קאָמיטעט; האָט לסוף אויך אונטערגענומען דורך „אָזע" אַ הילפס-אַקציע פאַר דער פראָווינץ אין מעדיצינישן-סאַניטאַרן זין. ס'איז אויך געזאַמלט געוואָרן אַ מאַטעריאַל וועגן אַלע איבעריקע פראַגן, ווי דערציאונג, שולן וכדומה, וועלכע זיינען געשטעלט פאַר דער קאָנפערענץ אין זין פון אַסיגנירן אויף אָט די באַדערפענישן געוויסע סומעס אין רשות פון די אָרטיקע קהלות און קאָמיטעטן.

דער געגנט-קאָמיטעט האָט אומעטום געגעבן די הילף נאָר אָרגאַניזירטערהייט, דהיינו די ועדי-הקהלות און קאָמיטעטן אין דאָרט, וואו זיי זיינען ניט געווען, האָט ער זיי אַרויסגערופן צום לעבן.

דער געגנט-קאָמיטעט האָט געשטרעבט אַרויסצורופן די זעלבסטטעטיקייט פון די שטעטלעך גופא. ביים אַרויסגעבן הילף אויף פראָדוקטיווע צוועקן, ביים גרינדן ליי-קאַסעס און קאָאָפעראַטיוון, האָט דער געגנט-קאָמיטעט בדרך כלל געפאָדערט, און מיט גרויס ערפאָלג, אַ קעגנקאַפיטאַל פון די אָרטיקע שטעטלשע כוחות און ער פלעגט געבן אַזויפיל, וויפיל די שטעטל אַליין איז געווען ביכולת צונויפצוזאַמלען אויף די אויפבויענדיקע מוסדות.

דעמזעלבן פרינציפ פון זעלבסטהילף, נאָר אַנדערש מאָדיפיצירט, האָט דער געגנט-קאָמיטעט אָנגעווענדעט בנוגע די געזעלשאַפטלעכע בעקערייען אָדער ברויט-קאָאָפעראַטיוון און קיכן, וואָס ער האָט געגרינדעט אין דעם גרעסטן טייל שטעטלעך. די אָרגאַניזאַציע פון דער זאַך און די אויסקויפונג פון די קינדער-ראַציאָנען האָט דער געגנט-קאָמיטעט גענומען אויף זיך, אָבער בתנאי, אַז גרעסטנטיילס ניט ווייניקער פון אַ העלפט פון דער סומע זאָל די שטעטל אַליין איינצאָלן און אַז ביים פאַרקויפן ביליקער די ברויט אָדער פונאַנדערטיילן דאָס עסן אין די קיכן זאָל די שטיצע פון קאָמיטעט זיין נאָר אַ בייהילף צו דער אַרבעט פון די שטעטלשע מוסדות גופא און אַז דערביי זאָלן אָפגעהיט ווערן אַלע אינטערעסן פון די באמת נויט-באַדערפטיקע.

די באַדערפעניש פון דער פראָווינץ אין אונזערע שווערע צייטן, נאָך אַלע איבערגעטראָגענע יסורים און חורבנות, זיינען זייער גרויס, די נויט — געוואַלדיק.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

אין נאָר אַדאַנק דער פּלאַנמעסיקער, אָרגאַניזירטער אַרבעט האָט זיך „יעקאָפּאַ״ איינגעגעבן דאָך אַריינצוטראָגן אין דער פּראָווינץ אַ שטראָם לעבן, אונטערצוהאַלטן די הונגערנדיקע באַפעלקערונג, לינדערן די נויט, אויפוועקן די כּוחות, אויפהויבן דעם מוט און אַרויסרופן די לעבעדיקע קרעפטן פון דער באַפעלקערונג אויף צו בויען און אויסריכטן די צורואינירטע ווירטשאַפט.

דער געגנט-קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט די נויטיקע הילפס-קרעפטן אויף די ערטער גופא און האָט אומעטום געוועקט די סוער פון די שטעטלעך צו זעלבסט-אַרבעט. אַדאַנק דעם דאָזיקן אַרבעטס-מעטאָד האָט זיך דעם געגנט-קאָמיטעט איינגעגעבן דורכצופירן אַ געוואַלטיקע אַרבעט מיט אַ גאַנץ קליינעם פּערסאָנאַל, באופן, אַז די גאַנצע פאַרוואַלטונגס-הוצאות, שוין אַריינרעכענענדיק די הוצאות אויף אָנגעשטעלטע און באַזאָלמעכטיקטע מיט אַלע אָרגאַניזאַציאָנס-קאָסטן צוזאַמען, האָבן באַטראָפן ניט מער ווי 11 פּראָצענט (און די אייגנטלעכע קאָמיטעט-הוצאות בלויז 4 פּראָצ.), ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אַרבעט האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרגרעסערט ביז צום העכסטן מאַסשטאַב.

אַ וויכטיקן אָרט האָט אויך פאַרנומען די הילפס-אַרבעט מיט פּראָדוקטן און זאַכן, וועלכע זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון אַמעריקע.

די גרויסע אַרבעט האָט אַרויסגערופן די נויטיקייט פון אַ געגנט-קאָנפערענץ, אום נאָך מער צו אָרגאַניזירן די הילף און פאַרזעצן די אַרבעט אויף די געזונטע, ראַציאָנעלע יסודות פון אויפריכטן אונזער פיל-געליטענע און פיל-ליידנדע יידישע פּראָווינץ. זי האָט אויך אַרויפגעשטעלט אויפן סדר-היום אַ גאַנצע ריי וויכטיקע נייע פראַגן, ווי, למשל, די שול- און בילדונגס-פראַגע, די אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגע וכדומה.

די קאָנפערענץ, וואָס קומט איצט פאָר, דעם 8, 9 און 10 סעפּטעמבער 1919 יאָר, אַן אויסגעוויילטע אויף די דעמאָקראַטישסטע יסודות, האָט צו באַטראַכטן און צו באַשליסן שוין אַלע פראַגן, וואָס זיינען נוגע דער יידישער פּראָווינץ אין הינזיכט פון הילף, — מאַטעריעלע און גייסטיקע, — און האָט אויך אויסצוקלייבן אַ געגנט-קאָמיטעט.

מ. שאַליט.



די ערשטע געגנט-קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאַ״ אין ווילנע דעם 8, 9, און 10 סעפּטעמבער 1919.

אין דער דריטער ריי זיצן פון לינקס אויף רעכטס: דוד כהן (נאָוואָגרודאָק); ג. קאָוואַרסקי, י. וואלק, מ. יעווזעראָוו, מ. שאַליט (ווילנע); הרב שאַצקעס (איוויע); ד״ר צ. שאַבאַד (ווילנע); הרב פײן (אָשמענע); ד״ר י. קאָוואַרסקי (מערעטש); ג. כהן (ווילנע); ה. הורוויטש (נ״-סווענציאַן). אין דער ערשטער ריי זיצן (האַלטנדיק דעם שילד פון דער קאָנפערענץ) שלום כהן (רעליגיעזע קאָרפּליטעט) און ז. גווינס (קורעניץ). אין דער צווייטער ריי פון רעכטס אויף לינקס — דער ערשטער: י. סאַדירסקי (סווענציאַן); דער ניינטער — הרב אייזנבוד (וואַסילישעק); הרב רודניק (בעליצא); הרב מישקאָווסקי (זשעלודאָק). אין דער ערשטער ריי פון לינקס אויף רעכטס — דער דריטער: י. גאָלאָבאָב (מישעגאָלע). אין דער אונטערער ריי פון רעכטס אויף לינקס — דער צווייטער: א. ז. בענדער (איוויע); דער זיבעטער: ג. פערסקי (אָשמענע). אין דער צווייטער ריי פון רעכטס אויף לינקס — דער צווייטער: י. ברוסבערג (סווענציאַן).

דער אַדרעס, וואָס דער אויסגעוויילטער, דורך דער ערשטער געגנט-קאָנפערענץ, קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ" האָט דערלאַנגט דעם ד. ד. ק. נאָך דער קאָנפערענץ אין סעפּטעמבער 1919.

דעם פאַראייניקטן פינאַנדערטיילונגס-קאָמיטעט פון די אַמעריקאַנער געלטער פאַר די יידישע מלחמה-קרבנות
Joint Distribution Committee of the American Funds for Jewish War Sufferers
און זיינע פאָרשטייער אין פּוילן און ליטע
ד"ר באָריס באָגען, יעקב ביליקאָף און איסידאָר הערשפּילד.

די ערשטע יידישע קאָנפערענץ אין ליטע צונויפגערופן פון ווילנער יידישן געגנט-קאָמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה („יעקאָפּאָ") אין ווילנע דעם 8, 9 און 10 סעפּטעמבער 1919 אין באַשטאַנד פון 81 דעלעגאַטן פון פאָלגנדע 74 שטעט און שטעטלעך פון ווילנער גוב. און א טייל מינסקער גוב. (חוץ ישובים):

איגנאַלינע, אינטורעק, איווע, אָסטראָוועק, אָלטאָן, אָשמענע, אָלקעניק, אָראַן, איישישאָק, אָסטרין, אָרלאָווע, בעליצע, ביניאַקאָני, ביסטריץ, בעריסאָווקע, באַראַנאָוויטש, אַסטרינאַנק, גאַדוטישעק, געדרויץ, גאָראָדישטש, גערוויאַטע, דעליאַטיטש, דעוועניִשאָק, דאַוגעלישאָק, רעקשנע, האַנאַטשישאָק, גר. ווילייקע, וואָרניאַן, וואָראָנאָווע, ווישנעווע, וואָלאָזשין, וואַסילישאָק, וואָליטשאַן, וויסאָקי-דוואָר, זשוסראַן, זשעלודאָק, זשורעוויטש, טראָק, טראַב, טורגעל, יאַשון, יעווע, לאַנדוואַראָווע, ליובטש, לינטופּ, ליפּנישאָק, לייבישעק, לינגמיאַן, לייפּון, מאָליאַט, מיכאַלישעק, מיישעגאָלע, מערעטש, נאָווע-סווענציאַן, נעמענטשין, נאָוואָגרודעק, נייסטאַט, סאָל, סעניעוו, סאָליעטשניק גרויס און קליין, סווענציאַן, סוויר, פּאָכסאָוו, פּאָדבראָדע, פּאָזבערעזע, פּאָנאַכישעק, קאַרעליטש, קורעניעץ, קאַבילניק, ראַדון, רודזישעק, שירווינט, סטשוטשין;

האָט איינשטימיק אָנגענומען דעם באַשלוס אויסצודריקן דעם אייסריכטיקסטן און טיפסטן דאַנק די אַמעריקאַנער ברידער פאַר זייער גרויסע מאַטעריעלע הילף.

די הילף, וואָס די אַמעריקאַנער ברידער האָבן אונדז געשיקט אין די שווערסטע צייטן פון אונזער לעבן און שיקן עד-היום מיט אַזוי תּמידיקייט און גרויסמוטיקייט, איז געקומען צום נייטיקן מאָמענט און האָט בפועל ממש געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער ברידער אונזערע אין ליטע פון הונגער-טויט און פון פיזישן און מאָראַלן חורבן.

זי האָט אָפּגעהיט טויזנטער קינדער אונזערע פון אונטערגאַנג, זי האָט געבראַכט לעבן טויזנטער יתומים, זקנים און אלמנות, האָט אויפגעקלערט אַרום טויזנטער היימלאָזע, האָט געשטיצט יידישע הענט-ווערקער, אַרבעטער און קאָלאָניסטן און האָט געבראַכט טרייסט, האָפענונג און מוט דעם גאַנצן יידישן כלל.



ראַציאָנעל אָרגאַניזירט און פונאַנדערגעטיילט, ברענגט די הילף די מעכטיקסטע רעזולטאַטן און ניט די מעגלעכקייט איבערצולעבן די שווערסטע צייטן און ווייטער צו בויען און שאַפן מיט אייגענע כוחות דעם ראַציאָנעלן לעבן.

די אַמעריקאַנער הילף, פּראַקטיש פּראָוועדירט, וועקט די זעלבסטטעטיקייט פון די מאַסן, וועלכע זי האָט אונטערגעהאַלטן און האַלט אונטער פון די איינציקע צייטן פון חורבן און הפקרות און דערלאָזט ניט די יידישע באַפעלקערונג סינקען, עקאָנאָמיש און קולטורעל צו דעגראַדירן.

דאַנק דער אַמעריקאַנער הילף איז מעגלעך געוואָרן צו באַדעקן די פאַרוואָרלאָזטע יידישע פּראָווינץ מיט א נעץ פון קיכן, גרויס-בעקערייען, האָלץ-סקלאַדן, קאָאָפּעראַציעס, גמילות-חסדים, ליי- און שפּאָר-קאַסעס, קינדערהיימען, שולן, שפּיטאָלן, אונטערשטיצונגס-אַנשטאַלטן, הילפס-קאָמיטעטן און קהלות.

די הילף איז גלייכצייטיק א דרינגענדע, מאָמענטאַל-פיזישע, און, וויכטיק צוקונפטיקע, אויך א קאָנסטרוקטיווע, אויפבויענדיקע — און ס'איז ניט אָפּצושאַצן און אָפּצומעסטן די אויבנדערמאָנטע באַדייטונג פון דער דאָזיקער הילף ניט נאָר אין מאַטעריעלן, נאָר אויך אין גייסטיקן זין.

דאָס יידישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די דאָזיקע הילף פון אונזערע אַמעריקאַנער ברידער און דער דאַנק די אַלע נותנים, דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט, די זאַמלער, סוער און פאָרשטייער וועט פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע ווי א דאַנק פון ברידער צו ברידער, ווי א דאַנק פון א כלל, וואָס האָט אין די שווערסטע צייט דערפילט דעם דופק פון דער וואַרעמער יידישער האַרץ פון מעבר לים, פון די נאָענטסטע און טייערסטע.

און אין די בעסערע און ליכטיקערע צייטן, ווען דאָס יידישע לעבן וועט אויפגעבויט און איבערגעריכט ווערן, וועט דאָס ליטווישע יידנטום געדענקען און שעצן די גרויסע הילפס-אַרבעט פון זיינע אַמעריקאַנער ברידער, וואָס זיינען די ערשטע געקומען מיט דרינגענדער שטיצע און האָבן דערפאַר ניט אויף צו העלפן ביים בויען און שאַפן דאָס יידישע לעבן וואָס נייטיקט זיך אויך איצט אין שטיצע, וועלכע איז חרוב ומחרב געוואָרן אין די גרויזאַמע יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע און וואָס זיין אויסריכטונג פאָדערט די אָנשטרענגונג פון אַלע לעבעדיקע פאָלקס-כוחות אין משך פון יאָרן.

דער אויסגעוויילטער געגנט קאָמיטעט:

פאָרזיצער — ד"ר צ. שאַבאַד
סעקרעטאַר — מ. שאַליט
מיטגלידער פון פּרעזידיום: מ. יעזשעראַנו, ל. זאַקהיים
נ. קאָוואַרסקי

וויצע-פאָרזיצער — ד"ר יעקב ווינאַדסקי
מיטגלידער: הרב חיים עוזר גראָדזענסקי, הרב שמואל פריד, א. רודניצקי, וו. מאַקאָווער

ווי אזוי מיר האָבן אין יאָר 1919 געבראַכט קיין ווילנע א פערטל מיליאָן דאָלאַר הילפס-געלטער.

אנהויב דעצעמבער 1919 זיינען מיר מיט גרויסע שוועריקייטן געקומען קיין וואַרשע אין א דעלעגאַציע פון ווילנער „יעקאפא" צום אמעריקאַנער פאַרטרעטער פון „דזשוינט" ווי. ד. ק.) אין פוילן ה' איסידאָר הירשפעלד. מיר האָבן געהאַט דעם ציל צו באַקומען פאַר דעם טעטיקייטס-ראַיאָן פון „יעקאפא" א גרעסערע סומע געלט, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן דורכן „דזשוינט" פון אמעריקאַנער קריבים פאַר הונגערטער איינצלנע פערזאָנען, ווי אויך פון „דזשוינט" גופא אלס סובזידיע אויף פאַרשיידענע הילפס-אַרבעטן פון נעגנס-קאָמיטעט „יעקאפא".

ס'איז דאַן געווען אַן אומרויִקע און אומזיכערע צייט. ס'האָט נאָך געהערשט דער מיליטערישער רעזשים אין זיין גאַנצער שטרענגקייט. די מלחמה אויף אונזערע פראָנטן האָט נאָך ניט אויפגעהערט און די באַוועגונג אויף די באַנען, אויף וויפיל זי איז געווען מעגלעך פאַר ציווילע פּערזאָנען, האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך ממש אַ געפאַר. פאָרויסזאָגנדיק, האָט מען ניט געקענט וויסן צי מען וועט קענען קומען צוריק אַהער בען; וואָס ערגעץ פאַרבלייבן אין וועגן, אויב מען וועט בכלל אַרויסגיין גאַנץ מיטן לעבן. חוץ דעם, האָט מען אויף צו פאָרן געדאַרפט האָבן ספּעציעלע ערלויבענישן פון דער מאַכט, אויף יעדן מאָל באַזונדער, וואָס פלעגט אויך ניט לייכט געגעבן ווערן.

צו יענער צייט האָט דער ווילנער נעגנס-קאָמיטעט „יעקאפא" שוין געהאַט געגעבן אַ גרויסע הילף פאַר דער נויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג אין מינסק. פון עטלעכע חדשים ווי מינסק איז געווען פאַרנומען פון דעם פּוילישן חיל און „יעקאפא" האָט גלייך נאָכן פאַרנעמען בכלל באַקומען די ערשטע ערלויבעניש פון דער פּוילישער מאַכט צו באַזוכן די שטאָט. מ. יעזוראַוו אלס פאַרטרעטער פון „יעקאפא" צוזאַמען מיט ה' שניירערעוויטש אלס פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער ק. פ. ה. זיינען תיכף אַרויסגעפאָרן אויף אַ לאַסט-אויטאָמאָביל (קיין באַנען זיינען נאָך דאַן ניט געגאַנגען) פון ווילנע קיין מינסק און האָבן געבראַכט פון דעם ערשטן טראַנספּאָרט פּראָדוקטן, ווי אויך קאָנדענסירטע מילך און ביסקוויטן פאַר קינדער. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען מיר, מ. יעווועראַוו און איך, געקומען קיין מינסק אלס פאַרטרעטער פון ווילנער „יעקאפא" אין אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון „יעקאפא", „אָרט" און „אָזע".

אונזער דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן אָנהייב דעצעמבער 1919 קיין וואַרשע, איז באַשטאַנען פון ג. קאָווצערסקי און מיר אלס פאַרטרעטער פון ווילנער „יעקאפא". אין וואַרשע האָבן מיר זיך געטראָפן מיט ד. ליוואָוויטש (אלס פאַרטרעטער פון מינסקער „אָרט"), וועלכער האָט געוואָלט פאָרן מיט אונז צוזאַמען צוריק.

אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיטן אַמעריקאַנער פאַרטרעטער פון „דזשוינט" האָבן געהאַט דעם פולסטן ערפאָלג און ס'איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן צו ברענגען קיין ווילנע די באַשטימטע פאַר די אויבנדערמאָנטע צוועקן 5.000.000 מאַרק, וואָס האָט לויט דעם דעמאָלטיקן קורס געהאַט אַ ווערט פון 250.000 דאָלאַר.

דאָס געלט האָבן מיר געמוזט נעמען אין קלענערע אַסיגנאַציעס במזומנים ובגדערס וואָלט ניט געווען וואו עס איינצופאַקן; אין עס האָט אָנגעפילט 4 גרויסע און זייער שווערע טשעמאָדאַנעס.

ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אזוי זאָלן מיר אַריבערפירן אַזאַ גרויסע סומע געלט אין אַזאַ געפערלעכער צייט, ווען די באַנען זיינען ניט געגאַנגען רעגולער און די וועגן האָבן געווימלט פון אַלערליי באַנדיטן און אָנפאַלער. דערצו נאָך, איז גראָד דאַן געשאַפן געוואָרן די אַזויגערופענע מיליטערישע ספערע, ד. ה. די באַנען זיינען בכלל געשלאָסן געוואָרן פאַר ציווילע פּערזאָנען אויף צוויי וואָכן צייט, וואָס האָט געמאַכט אַ פולשטענדיק-אומבאַשיצטן מצב. ס'איז געוואָרן אוממעגלעך, אַז אַ פּריוואַטע פּערזאָן זאָל אין דער גענאַנטער צייט בכלל קענען קומען פון וואַרשע קיין ווילנע, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע וועגן זיינען אָפּגעשניטן.

מיר זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ געפערלעכער און הילפלאָזער לאַגע. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן אונזער מיסיע אויסצופירן ביי אַלע באַדינגונגען.

מיר האָבן זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. מיר האָבן זיך געאיילט צו ברענגען די הילפסגעלטער קיין ווילנע ווי מעגלעך שנעלער צו דער ריכטיקער צייט, ניט פאַרשפּעטיקנדיק קיין איין טאָג.

קודם כל האָבן מיר געדאַרפט באַקומען די נייטיקע ערלויבעניש-פּאַפּירן. דאָס איז געווען אין יענעם מאָמענט אַן אומגעהויער - שווערע זאַך. אָבער דאָ איז אונז געקומען צו הילף דער פאַרטרעטער פון „דזשוינט" ה' איסידאָר הירשפעלד (אין יענע צייטן זיינען די „דזשוינט"-פאַרטרעטער געווען אַזוי ווי האַלב-אָפיציעלע פּערזאָנען און זיינען געווען געקליידעט אין אַמעריקאַנישע מיליטערישע מונדירן), וועלכער האָט זיך וועגן דעם ענין ספּעציעל פאַרשטענדיקט מיט דער אַמעריקאַנער מיליטערישער מיסיע אין פוילן. די אַמעריקאַנישע מיליטערישע מיסיע האָט זיך פון איר זייט פאַרשטענדיקט מיט דער פּוילישער מיליטערישער מאַכט און מיר האָבן אין זעלבן טאָג באַקומען פאָלגנדן אָפיציעלן פּאַפּיר (ז. די רעפּראָדוקציע):

„דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטע. וואַרשע, סע-



POLISH BRANCH.

JOINT DISTRIBUTION COMMITTEE

OF THE

AMERICAN FUNDS FOR JEWISH WAR SUFFERERS.

ISIDORE HERSHFIELD,
Delegate to Poland

WARSAW, 1919.
Senatorska 32

Zaświadczenie.

5.000.000 mk./pięć miljonów marek/

Polish Branch

Isidor Hershfield

WIZOWANO
Naczelne Dowództwo W. P.
Warszawa, dnia 4.XII. 1919 r.

przejazd do Wilna i Mińska

w pilnych sprawach z poruczenia Misji Wojskowej Amerykańskiej okaziciele mają prawo przewozu 5 milionów marek; jazdy pociągami wojskowemi:

Ważne do 31.XII.19.

4.XII.19

Szef Sekcji Politycznej

major

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

באבארסקע 32, 4 דעצעמבער 1919. אפטיילונג אין פוילן, איסידאר הירשפעלד. דעלעגאט פאר פוילן. באשטעטיקונג. דערמיט באשטעטיקן מיר, אז די ה"ה נאטאן קאוואַרסקי, משה שאליט און דוד לייאוויטש זיינען מיטגלידער פון אינזער קאמיטעט אין ווילנע און מינסק און האבן דערהאלטן פון אונז 5.000.000 מ׳ (פינף מיליאן מארק) אויף די אקציע צו העלפן די ארעמע יידישע באפעלקערונג אין ווילנע און מינסק. ווייטערס. די אייבערשטע אנפירונג פון פוילישן חיל. די הויפט-קווארטירמייסטערשאפט. אייף צו פארן קיין ווילנע און מינסק אין די איבערגערעכנטע ענינים לויטן אנטראג פון דער אמעריקאנישער מיליטערישער מיסיע. די טשערוואנעצן האבן רעכט אריבערצופירן 5 מיליאן מארק און צו פארן מיט מיליטערישע צוגן. שעף פון דער פאליטישער סעקציע. מאיאר לאנדאווסקי."

דאס ווייכטיקסטע פון דער ערלויבעניש איז געווען דער לעצטער זאץ אירער, אז מיר האבן רעכט צו פארן מיט מיליטערישע צוגן, ווייל אנדערש וואלטן מיר דעמאלט קיין ווילנע בכלל ניט געקענט קומען.

אין דא הייבן זיך אן א גאנצע ריי נייע געשיכטעס.

אויפן וואקזאל האט מען אונז נאך א גרויסער השתדלות אייזן יעדער פון דער ערלויבעניש געגעבן אין א מיליטערישן צוג א בעזונדערע קופע מיט דער איבערשריפט: „אמעריקאנער מיסיע", אבער מען האט אונז גלייך געווארנט, אז מען קען אונז ניט גאראנטירן צו מיר וועלן דערפארן ביזן ארט, ווייל די צוגן גייען נאר ביז ביאליסטאק און וואס ווייטער וועט זיין קען מען דא ניט וויסן, ווייל פון דארט אן געהערט שוין די שטרעקע צו אן אנדער מיליטערישן קרייז. בכלל איז אויפן וואקזאל געווען אן אוממעגלעכע מהומה. פינצטער סאלדאטן מיט זייער פולער אמוניציע, אן א שיעור מיליטער-לייט, האבן פארנומען אלע פלעצער אין יעדן צוג האט מען גענומען „אין שטורם", וואס כ׳האט זיך איבערגעחזרט אויף יעדער סטאנציע. ס׳איז ניט אריבער קיין צען מינוט, ווי מען האט אנגעקלאפט אין אונזער קופע און ס׳זיינען אריין 8 זיבירן, וועלכע האבן פארנומען די קופע ביז די ברעגן, הגם אויך דערויף איז ניט געווען איבעריקס פרייע צוליב דעם גרויסן ארט. וואס כ׳האבן פארנומען די סטאנציעס. אויף דער צווייטער סטאנציע האבן מיר שוין בכלל ארויסגענומען די איבערשריפט פון דער „אמעריקאנער מיסיע", ווייל יא ווי זא איז שוין די קופע געווען פארנומען מיט מיליטער-לייט און די אויפשריפט האט בלויז צוגעצייגן אן איבעריקע אויפמערקזאמקייט, וואס איז געווען ניט אזוי שטארק נויטיק צוליב דאס געלט, וואס מיר האבן געפירט.

דער צוג איז שוין געגאנגען א גאנצן מעת-לעת און מיר זיינען נאך געווען ווייט פון ביאליסטאק. ער פלעגט זיך לאנג פארהאלטן אויף פארשיידענע צווישן-סטאנציעס, פלעגט אראפלאזן און אריינלאזן מיליטער. מיר האבן שוין ניט געהאט וואס צו עסן, מיר האבן אבער קיין מאראל ניט געהאט, ווייל די וואגאנען זיינען געווען אזוי געפילט ביז איבער די טרעפלעך, הינדערטער מיליטער-לייט פלעגן פארבלייבן אויף די סטאנציעס, ניט האבנדיק וואו אריינצוגיין אין די וואגאנעס.— און ס׳איז בלויז געווען א וואונדער, וואס דריי יידישע פערזאנען מיט פיר גרויסע טשעמאדאנעס פארנעמען אן ארט און פארן מיט אזא צוג.

ענדלעך זיינען מיר געקומען קיין ביאליסטאק און כ׳האט זיך טאקע ארויסגעוויזן, אז מיר מוזן האבן א נייע ערלויבעניש אויף צו פארן ווייטער. ווען ס׳וועט גיין א צוג איז אויך אומבאוואוסט. נאר מסתמא מארגן פרי. ס׳איז שוין געווען נאכט.

מיר זיינען דעריבער פארפארן אין א האטעל. דארט האבן מיר זיך באגעגנט מיט א גרויסע יידישע ארטיסטן פון ווילנע און ווארשע, וועלכע זיינען פארבליבן שטעקן אין וועג און האבן ניט געקענט ווייטער פארן. זיי האבן אונז שטארק מקנא געווען, וואס מיר באזיצן אזא וויכטיקן פאפיר און וועלן דאך איינביגן קומען קיין ווילנע. ס׳איז געווען גרויס די מורא, אז מען זאל בכלל ניט ווערן אפגעשניטן. מיר זיינען געווען אויסגעמאטערט און האבן שוין געוואלט זיך לייגן אפרוען. דאך איז איינער פון אונז אוועק אויפן וואקזאל ווידער דערוויסן זיך, ווען מיר וועלן קענען פארן און האט געבראכט די ידיעה, אז דער צוג וועט אפגיין ביינאכט און מיר דארפן זיין גרייט יעדע רגע. מיר האבן אלץ געווארפן (ד. לייאוויטש האט זיך געהאלטן אין מיטן ראזירן און איז אזוי פארבליבן מיט איין באק רזוירט און מיט דער אנדערער באוואקסן) און זיינען תיכף אוועקגעפארן צום באן. דארט האבן מיר זיך ווידער געוואלגערט עטלעכע שעה. די טשעמאדאנעס זיינען געלעגן אויף דער ערד, איינער פון אונז איז געזעסן אויף זיי און געהיט פון פינצטער נייגעריקע אויגן און דער אנדערער איז געגאנגען זיך השתדל זיין וועגן אן ארט אין צוג. ארום פינף פארטאג האט זיך אונז איינגעגעבן ארייינצוזעצן אין צוג און אפצופארן. דא איז די ענגשאפט געווען נאך גרעסער ווי אין ווארשע. וועגן זיצן האט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. מיר זיינען געווען צוזאמענגעקוועטשט אין וואגאן צווישן הונדערטער סאלדאטן און ס׳איז געווען ניט מעגלעך זיך א קער צו טאן. די טשעמאדאנעס האבן ביי דער גרויסער ענגשאפט אלעמען געשטערט און מיר זיינען געווען ווייניק אנגעלייגטע געסט, פון וועלכע מען וואלט גערן פטור געווארן. און ס׳איז טאקע געווען ניט אן געפאר. דער צוג איז געגאנגען פון סטאנציע צו סטאנציע, אפשטעלנדיק זיך אפט און פארבלייבנדיק שטיין זייער לאנג, דורכלאזנדיק אנדערע צוגן מיט דורכפארנדיק חיל און פארשיידענע ריכטונגען. פארנדיק האבן מיר זיך דערוואוסט, אז דער צוג וועט גיין בלויז ביז גראדנע און דארט איז שוין אן אנדער מיליטערישער אמט, ביי וועלכן מיר מוזן ווידער באקומען אן ערלויבעניש ווייטער צו פארן. אויפן וועג האבן מיר געהאט אן אינצידענט. ס׳איז דורכגעפארן אן אינספעקציע-צוג פון מיניסטעריום, וועלכער האט געהאט, ווי כ׳האב איינגעזען, לויטער ערטער און איז געגאנגען עקספרעס. די אפיצירן פון אינזער צוג האבן זיך געוואלט אריבערזעצן אהין, אבער מען האט זיי ניט ערלויבט, נאר מען האט צוגעזאגט ארויסצושיקן א צוגאב-צוג. שפעטער האבן מיר זיך דערוואוסט, אז דער צוגאב-צוג וועט ניט אנקומען און זיינען ווייטער צוויי געפארן אין גרויס ענגשאפט ביז גראדנע.

אויפן גראדנער וואקזאל האט זיך איבערגעחזרט דיזעלבע געשיכטע, וואס אין ביאליסטאק. מיר האבן אויסגעלייגט די טשעמאדאנעס, זיך געזעצט זיי היטן און איינער פון אונז איז אוועק זיך משתדל זיין וועגן פארן ווייטער. א גאנצן טאג האבן מיר זיך אזוי אפגעוואלגערט אויפן וואקזאל. מיר זיינען געווען שרעקלעך פארמאטערט, ניט געשלאפן, ניט געוואשן און ניט געגעסן. די נעספער פאר דאס געלט איז געווען גרויס און מיט קיינעם אויפן גאנצן וועג האבן מיר, אגב, קיין ווארט ניט איינגערעדט. אין קיינער האט טאקע ניט געוואוסט, אז מיר פירן אזעלכע טשעמאדאנעס מיט געלט. אז מיר פלעגן ווייזן דעם פאפיר דער באן-מאכט ביים משתדל זיין זיך וועגן א צוג, איז דער רושם וועגן דער סומע געשריבענער געלט געווען ניט קיין קלענערער, ווי דער עצם פאקט, וואס מיר פארן לויטן אויפטראג פון דער אמעריקאנער מיליטערישער מיסיע מיט דער ערלויבעניש פון דער אויבערשטער אנפירונג פון פוילישן חיל. און מען דארף מודה זיין, אז די באציאונג צו אונז איז געווען אן אויסקעגנקומענדיקע.

אין גראדנע איז דער טומל געווען נאך גרעסער. מיר האבן שוין געהאט פארלארן די האפענונג אזוי גיך אפצופארן, אבער מיר האבן ניט אפגעטראטן, זיינען שוין בכלל פון וואקזאל ניט אוועק און נאך א טאג ווארטן האבן מיר סוף-כל-סוף באקומען א צוג. ס׳האט אונז אפגעגאלטן צו באקומען א קופע צוזאמען מיט אן אפיציר און עטלעכע זעלנער זיינע. דער אפיציר האט זיך ארויסגעוויזן פאר זייער אן אינטעליגענטן מענטשן, איז געווען העפלעך און פריינדלעך און האט אונז ממש ארויסגעהאלפן אין דער סיטואציע. מיר האבן אים דערציילט וואס מיר פירן און צוליב וואס פאר א צוועק. מיר האבן זיך בכלל פאר די גאנצע צייט צום ערשטן מאל אונזאנדערגערעדט.— אין נ. קאוואַרסקי האט מיט זיינע פריילעכע מעשיות ארייינגעבראכט פרישקייט און מוט. מיר האבן שוין איינמאל ניט געהאט קיין כח און זיינען געווען איינגאנצן אויסגעשעפט. אין וועג האבן מיר זיך נאך געדארפט עטלעכע מאל איבערזעצן. דער אפיציר און זיינע סאלדאטן האבן אונז אומעטום געהאלפן. די סאלדאטן האבן געשלעפט די טשעמאדאנעס און זיי געהיט. דאס האט אונז געגעבן די מעגלעכקייט ארומצושפאצירן אויף די סטאנציעס און ארייינצוגיין אין בופעט עפעס צו טרינקען און עסן. און אז מיר זיינען געקומען נאך די 4 מעת-לעת, וואס די רייזע האט געדויערט פון ווארשע קיין ווילנע, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער ווילנער וואקזאל איז אפגעשלאסן פאר ציווילע פערזאנען און דער צוג האט זיך אפגעשטעלט 3 קילאמעטער די ווייט פון דער סטאנציע. דא איז אונז ווידער געקומען צוהילף דער אפיציר מיט זיינע סאלדאטן, וועלכע האבן אונז געהאלפן טראגן די טשעמאדאנעס דעם גאנצן וועג און דורכצוגיין די שפערע אייזן וואקזאל אין שטאט אריין. ס׳איז געווען מיטאג-צייט. די שטאט האט אויסגעזען ווי אפגעשטארבן. ס׳איז געווען קאלט און טרויעריק. ביים באן האבן אומעטיק געווארט די פורלעך מיט די אויסגעדארטע פערדלעך. די סאלדאטן האבן צוגעטראגן די טשעמאדאנעס און זיי ארויפגעלייגט אויף די פורלעך. מיר האבן זיך הארציק געזעגנט מיט דעם אפיציר.

צו דעם פריינדלעכן אפיציר, ווי אויך דעם גוטן הומאר פון נ. קאוואַרסקי, האבן מיר כמעט צו פארדאנקען, וואס מיר זיינען אנגעקומען בשלום קיין ווילנע.

מיר האבן ענדלעך פריי אפגעאטעמט און געקומען צו זיך, ערפילנדיק אונזער מיסיע אין דער פולסטער מאס. אין קאמיטעט האט מען שוין אויך אונז לאנג געווארט. מיר האבן געעפנט די טשעמאדאנעס און זיינען גלייך צוגעטראטן צו דער רעטונגס-אקציע. די ארבעט איז ניט איבערגעריסן געווארן אויף א מינוט.

מ. שאליט.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

פון סעפּטעמבער 1919 ביז מערץ 1924

באַריכטן צו דער צווייטער און דריטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע).

I.

באַריכט צו דער צווייטער קאָנפערענץ (5—6—7 דעצעמבער 1921).

דער גרונטשטיין צו אונזער אָרגאַניזאַציע אין דער ברייטער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, אויף דעמאָקראַטישע יסודות, איז געלייגט געוואָרן דעם 8—9—10 סעפּטעמבער 1919 אויף אונזער ערשטער געגנט-קאָנפערענץ.

די דאָזיקע קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט 83 דעלעגאַטן פון 74 שטעט און שטעטלעך פון דער גאַנצער געגנט, האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט, האָט פעסטגעשטעלט די פּראָצענטועלע פונאַנדערטיילונג פון פּיודזשעט, האָט אַריינגעבראַכט אַ קלאָרקייט און פעסטע אָרדענונג אין דער אָרגאַניזירונג פון געגנט-קאָמיטעט און אַלע אָרטיקע קאָמיטעטן און נאָכן אָננעמען דעם רעגילאַמין און דעם מאָדוס פון די וואַלן האָט זי אויסגעקליבן די עקזעקוטיווע, דעם געגנט-קאָמיטעט און די איבעריקע אָרגאַנען און האָט איינגעשטעלט די גאַנצע קאָנסטיטוציע פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

פון אַ פּריוואַטער גרופּע כלל-טוער איז דער געגנט-קאָמיטעט אויף אַזאַ אופן געוואָרן אַ באַרעכטיקטע פאָרשטייערשאַפט פון דער פּראָווינץ פאַר אַלע פראַגן פון הילף און אויפבוי.

די דערמאָנטע גרופּע כלל-טוער, וועלכע האָט פון דאָס ניי געגרינדעטע דעם קאָמיטעט דעם 16 פעברואַר 1919, האָט געאַרבעט מיט אַ באַזונדערער ענערגיע און שוין אין 7 חדשים אַרום האָט זי צונויפגערופן די קאָנפערענץ, וועלכער זי האָט איבערגעגעבן די גאַנצע אַרבעט. פאַר די זיבן חדשים איז אַ סך אויפגעטאָן געוואָרן און די קאָנפערענץ האָט אָנערקענט די אויפטוען אין דער פולער מאָס.

ביי אויסערסט שווערע באַדינגונגען איז דאַן אויסגעקומען צו אַרבעטן און די ערשטע פראַגע איז געווען — הילף און תמיכה אין פשוטן זין פון וואָרט.

אָט שוין דאַן האָט זיך די קאָנפערענץ, פונדעסטוועגן, געשטעלט העכער פון דער טעגלעכער נויט און האָט איינגעשטעלט אַ פאַרהעלטעניש צווישן די פאַרשיידענע מינים הילפס-אַרבעט, וואָס האָט פאַראויסגעזען אויף דערנערונג 40 פּראָצ. און אויף קולטורעלע, פּראָדוקטיווע און מעדיציניש-סאַניטאַרע הילף — 60 פּראָצ. פון ביודזשעט.

פון דער ערשטער מינוט אָן האָט זיך דער געגנט-קאָמיטעט אויף אַזאַ אופן געשטעלט אויף דעם ריכטיקן וועג פון אויפבויען דעם חרוב-געוואָרענעם ייִדישן לעבן און די סיסטעם אַפילו פון דער תמיכה גופא איז אויך געווען אַ פּראָדוקטיווע. די אַרבעט, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן פאַר דער קאָנפערענץ איז דורך דער קאָנפערענץ פאַרטיפט און פאַרברייטערט געוואָרן און גלייכצייטיק האָט זיך אויך אָנגעהויבן די אָרגאַניזירונג פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, ווייל דער געגנט-קאָמיטעט האָט אַנדערש ניט דורכגעפירט קיין אַרבעט ווי נאָר דורך קהילות און קאָמיטעטן אויף די ערטער, וועלכע האָבן זיך אַלץ מער און מער געגרינדעט.

דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" איז געוואָרן די איינציקע צענטראַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, געשטיצט אויף אָרטיקע כוחות. פאַר דער גאַנצער געגנט, — ניט שטערענדיק, אָבער, איינצושלינגען אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

אַזוי איז דורך דעם געגנט קאָמימעט געגאַנגען די שטיצע אויך פאַר „אָרט" און „אָזע", וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרן זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס אין די געביטן פון זייער אייגנטלעכער אַרבעט און „יעקאָפּאָ" האָט זיי אַליין איבערגעגעבן די געהעריקע פונקציעס. דער קאָנטאַקט מיט זיי איז, אָבער, פאַרבליבן אויך אויף ווייטער.

דער געגנט-קאָמיטעט האָט פאַרשפּרייט זיין הילף אויך אויף די ערטער מחוץ זיין ראַיאָן, וואו צוליב די מיליטערישע געשעענישן און פאָדערונגען פון מאָמענט איז דאָס תיכף נויטיק געווען. אַזוי, למשל, האָט אין אָקטאָבער 1919 אַ דעלעגאַציע פון געגנט-קאָמיטעט באַזוכט מינסק און האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע סובסידיע און אַזוי אויך האָט אַ באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאָ" אין פעברואַר 1920 ספּעציעל באַזוכט דווינסק און געגעבן די נויטיקע שטיצע.

די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ, ווי אויך אַלע באַשלוסן פון די ווייטערדיקע פּלענומס פון געגנט-קאָמיטעט, זיינען פולשטענדיק דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן.

די פּלענומס פון געגנט-קאָמיטעט ביי דער באַטייליקונג פון די 35 אויסגעוויילטע דורך דער קאָנפערענץ מיטגלידער זיינען פאַרגעקומען 6 מאָל און לויט דעם תוך פון זייער אַרבעט זיינען זיי געווען קלענערע קאָנפערענצן, וועלכע האָבן נאָרמירט די טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ", וועלכע האָט זיך פסדר פאַרגרעסערט. אויף די פּלענומס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן גענויע באַריכטן וועגן דער לויפנדער אַרבעט, געלט-באַריכטן, באַריכטן וועגן די לאַגערן פאַר פּראָדוקטן, מעדיקאַמענטן, זאַכן, וועש און קליידער, וועגן די גרויסע באַשטעלונגען פון שיך, בגדים א. א., וואָס „יעקאָפּאָ" פלעגט באַקומען ביים ד. ד. ק. א. א. און דערמיט העלפן אויף אַ ממשותדיקן אופן די אַרבעטער און האַנטווערקער; ס'זיינען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן וועגן אַלע וויכטיקסטע צווייגן פון דער נאָענטסטער אַרבעט און אָנגענומען געוואָרן די געהעריקע רעזאָלוציעס.

אַזוי זיינען אויף די פּלענומס גענוי באַטראַכט געוואָרן די פראַגן פון קינדער-דערנערונג און ק. פ. ד. (רעפעראַטן פון י. ראָזאָווסקי און ד״ר לעווין), מעדיציניש הילף (ד״ר יאַבראָוו), פּראָפעסיאָנעלע בילדונג (אינזש. א. ג. קלעבאַנאָוו), יורידישע הילף (אַדוו. אייגל), ביודזשעט (מ. שאַליט), אינטערנאַט (ד״ר ג. א. קאָוואַרסקי), פּעדאַגאָגישע קורסן און ביכערלאַגער (מ. שאַליט) און אַ גאַנצע ריי אַנדערע.

אויף די פּלענומס פלעגן אויך אָפּגעגעבן ווערן גענויע באַריכטן וועגן די רייזעס פון די דעלעגירטע מיטגלידער אין שליחות פון געגנט-קאָמיטעט און וועגן זייערע אונטערהאַנדלונגען מיט די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן.

אַריבערגייענדיק כראָנאָלאָגיש צו די פּראַקטישע אויפטוען פון געגנט-קאָמיטעט, קענען מיר זיך אָפּשטעלן, צוליב דער גרויסער מאַסע פאַקטן, בלויז אויף די וויכטיקסטע און גרעסערע פון זיי.

זייענדיק אין די ערשטע צייטן פון זיין טעטיקייט אַ צענטראַלע און איינציקע אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע באַדערפענישן פון דער ייִדישער פּראָווינץ, אַרויסגעבנדיק סובסידיעס אַלע ייִדישע קהילות און הילפס-קאָמיטעטן אויף דערנערונג, קולטור און בילדונג, מעדיצין, קאָאָפּעראַציע א. א., האָט דער געגנט-קאָמיטעט געציילט הונדערטער אַנשטאַלטן, ווי קיכן, שולן, ביבליאָטעקן, גמ״ח, ליי- און שפּאָר-קאַסעס, געווערבס-קאָאָפּעראַטיוון, בקור-חולים און אַ ריי אַנדערע, אָבער גלייכצייטיק האָט ער געשאַפן נייע אָנפירנדיקע אַנשטאַלטן און נייע אויפבויענדיקע איינריכטונגען, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַ סיסטעם

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

אין די פֿאַרשיידענע געביטן פֿון אַרבעט און האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף די פֿאָדערונגען פֿון לעבן און זיי באַפֿרידיקט.

שוין אין נאָוועמבער 1919 האָט דער געגנט-קאָמיטעט צוזאַמען מיט דער ווילנער קהילה געלייגט דעם יסוד צו דער ערשטער סאָלידער לערער-אַנשטאַלט אויף אויסצובילדן יידישע און העברעאישע לערער, — די פּעדאַגאָגישע קורסן, וועלכע האָבן עקסיסטירט צוויי יאָר צייט אונטער דער געמיינזאַמער פֿאַרוואַלטונג פֿון „יעקאָפּאָ" און דער ווילנער קהילה און האָבן אַרויסגעלאָזן אַ ריי לערער פֿאַר אונזערע פֿאָלקסשולן.

אין דעצעמבער 1919 האָט דער געגנט-קאָמיטעט געלייגט דעם יסוד צו דער ערשטער פּראָפֿעסיאָנעלער שול אין דער פּראָווינץ, וועלכע האָט זיך אין מאַי 1920 געעפֿנט אין אָשמענע — פֿאַר מענער- און פֿרויען-שניידעריי — און האָט פֿונקציאָנירט מיט ערפֿאָלג. דער געגנט-קאָמיטעט האָט גלייכצייטיק געמאַכט אַלע הכנות פֿאַר נאָך אַ פֿאַר פֿאַך-שולן און איז געווען אין דעם פּרט דער פֿולשטענדיקער פּיאָנער בנוגע אונזער פּראָווינץ.

אין יאַנואַר 1920 האָט דער געגנט-קאָמיטעט געעפֿנט אין ווילנע, אויף אַנטאָקאָל אין אַ פּראַכטפֿולן בנין, אַ צענטראַלן אינטערנאַט פֿאַר די פֿאַרוואָרלאָזטע פּראָווינץ-יתומים און אין אַ געוויסער צייט אַרום — אַ וואַרשטאַט פֿאַר שוסטעריי ביים אינטערנאַט. פֿאַר אַלגעמיינע למודים פֿון די אינטערנאַט-קינדער האָט דער קאָמיטעט סובסידירט די אַנטאָקאָלער פֿאָלקסשול.

אין מערץ 1920 האָט דער געגנט-קאָמיטעט געעפֿנט קורסן פֿאַר קאָאָפּעראַציע און צוזאַמען מיט „אָזע" און צ. ב. ק. — פֿרעבל-קורסן. ביידע קורסן זיינען דערפֿירט געוואָרן ביזן סוף און האָבן געהאַט די אויפֿגאַבע צו געבן דער פּראָווינץ און שטאָט די פֿעלנדע כּוחות אויף די געהעריקע געביטן.

אין מאַי 1920 האָט דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" צוזאַמען מיט דער ווילנער געזעלשאַפֿט „משמרת חולים" פֿון ס'ניי רעמאָנטירט, איינגעאָרדנט, געעפֿנט און אויסגעהאַלטן דעם שפּיטאָל פֿון „משמרת חולים", וועלכער האָט געבראַכט זייער אַ סך נוצן די פּראָווינציעלע קראַנקע און איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער.

אין יאַנואַר 1921 איז נאָך אַ ריי הכנות און השתּדלותן באַקומען געוואָרן די ערלויבעניש צו עפֿענען אין ווילנע די יידישע קאָאָפּעראַטיווע פֿאָלקסבאַנק, — די ערשטע יידישע צענטראַלע געזעלשאַפֿטלעכע באַנק אין פּוילן. דאָס איז אַן אויפֿטו פֿון אַ גרויסער עקאָנאָמישער באַדייטונג, און ער דאַרף איינגאַנצן צוגעשריבן ווערן דער איניציאַטיוו פֿון „יעקאָפּאָ", וועלכע האָט אויך געגעבן דער באַנק די ערשטע מיטלען און פֿאַרבינדונגען און אויך אַ ריי פֿאַרמיטלונגס-אָפּעראַציעס. אין יולי 1921 איז שוין די באַנק געווען פֿולשטענדיק אָרגאַניזירט און האָט אָנגעהויבן צו פֿונקציאָנירן.

אין יוני 1921 האָט לויט אַ באַשלוס פֿון פּלענום פֿון געגנט-קאָמיטעט אָנגעהויבן צו ערשיינען דער זשורנאַל „אונזער הילף", דער איינציקער אָרגאַן אין פּוילן פֿאַר הילף- און אויפֿבוי-פֿראַגן.

פּאַראַלעל מיט די אַנשטאַלטן זיינען אויך געוואַקסן די געביטן פֿון אַרבעט.

נאָך אין נאָוועמבער 1919 זיינען אַריבער אין „יעקאָפּאָ" אַלע אויסצאָלונגען פֿון די אַמעריקאַנער קרובים-געלטער, וואָס זיינען געגאַנגען דורך דעם „דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט" און שפּעטער איז אין „יעקאָפּאָ" קאָנצענטרירט געוואָרן אויך די אויסצאָלונג פֿון טשעקן און די אַרויסגעבונג פֿון אַוואַנסן אויף זיי, — דאָס איז אין אַ משך פֿון אַ לאַנגער צייט געווען אַן אמתע ישועה פֿאַר צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס זיינען געווען אָנגעוויזן אויף די הילף פֿון זייערע קרובים מעבר לים און וואָס וואָלטן אויף אַן אַנדער וועג גרעסטנטיילס אָדער גאָרניט באַקומען, אָדער וואָלטן באַשווינדלט און באַרויבט געוואָרן.

דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז „יעקאָפּאָ" האָט אין אַ ריי פֿאַלן מיט איר השגחה און מיטהילף אויך נאָרמירט די טעטיקייט פֿון די אַזויגערופֿענע דעלעגאַטן (פֿון אַמעריקאַנער רעליעפֿן), וואָס זיינען ניט אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך.

אין אַפּריל 1920 איז „יעקאָפּאָ" די ערשטע אַריין אין פֿאַרבינדונגען מיט „היאַס" דורך די צוויי ערשטע קאָמיסיאָנערס, וואָס די גרויסע אַמעריקאַנער יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפֿט האָט דעלעגירט קיין פּוילן. פֿון דאַן אָן האָט „היאַס" איבערגעגעבן „יעקאָפּאָ" די פֿולמאַכטן אויף עמיגראַציע-אַרבעט אין גאַנצן „יעקאָפּאָ"-ראַיאָן און די אַרבעט ווערט געפֿירט אינטענסיוו און פּלאַנמעסיק.

אין פֿעברואַר 1921 האָט „יעקאָפּאָ" אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט יק"א, וועלכע האָבן אינגיכן געגעבן קענטיקע און ממשותדיקע רעזולטאַטן אויפֿן געביט פֿון אויפֿבויען די חרוב-געוואָרענע פּונקטן און אויפֿן געביט פֿון קרעדיט-קאָאָפּעראַציע.

די פֿאַרצווייגטע אַרבעט האָט אַרויסגערופֿן די נויטיקייט פֿון ספּעציעלע צוזאַמענפֿאָרן און פֿאַך-באַראַטונגען. אַזוי האָט „יעקאָפּאָ" אָרגאַניזירט סוף מערץ 1921 צוזאַמענפֿאָרן פֿון די ליי- און שפּאָר-קאַסעס און פֿון די קאָאָפּעראַטיוון און אין נאָוועמבער 1921 — אַ פֿאַך-באַראַטונג וועגן דער אויפֿבויאונגס-אַרבעט. די צוזאַמענפֿאָרן און די באַראַטונג האָבן געגעבן וויכטיקע אָנווייזונגען פֿאַר דער ווייטערדיקער אָנפֿירונג מיט די אַרבעטן.

דער שינוי אין דער סובסידירונג פֿון די שולן און זייער גרופּירונג אַרום די בילדונגס-צענטראַלעס האָט אַרויסגערופֿן די נויטיקייט פֿון אַ באַזונדערן פּראָווינציעלן לערער-צוזאַמענפֿאָר, וואָס „יעקאָפּאָ" האָט צונויפֿגערופֿן אָנהייב אַפּריל 1921 און וועלכער האָט דורכגעפֿירט די אָפּגרענעצונג אין דער אָנפֿירונג מיט די שולן און איר פֿונאַנדערטיילונג לויט די ריכטונגען און די געהעריקע בילדונגס-צענטראַלעס.

חוץ די אָפּטיילונגען פֿאַר געלט-אָנווייזונגען (מיט דער עפֿענונג פֿון באַנק איז זי אַריבער אַהין), עמיגראַציע, אויפֿבויאונג, קאָאָפּעראַציע און יורידישע הילף, האָבן גלייכצייטיק זייער אינטענסיוו געאַרבעט אויך די פֿאַרשיידענע אַנדערע אָפּטיילונגען פֿון „יעקאָפּאָ", ווי די היימלאָזע-אָפּטיילונג מיט איר פֿאַרצווייגטן אַפּאַראַט פֿון אַלע מינים הילף פֿאַר די טויזנטער רעעמיגראַנטן און היימלאָזע, מיט אירע היימלאָזע-ביוראָען, קיך, קינדערהיים (די היים האָט עקסיסטירט אין דער צייט, ווען דורך ווילנע זיינען געגאַנגען גרעסערע עשאַלאָנען), לאַגערן פֿון פּראָדוקטן און זאַכן, באַוואָרגונג פֿון היימלאָזע אין מעדיצינישע און אַנדערע אַנשטאַלטן וכדומה און ווי דער ביכער-לאַגער, וואָס שפּייזט אונזערע שולן און ביבליאָטעקן מיט אַ צוטריטלעכן יידישן און העברעאישן בוך.

פֿון יאַנואַר 1921 האָט „יעקאָפּאָ" אָנגעהויבן צו באַקומען פֿון צייט צו צייט געוויסע געלט-מיטלען פֿון דער רעגירונג פֿאַר אונזערע פֿאָלקסשולן אין דער פּראָווינץ.

אין קאָרגע ציפֿער וועט זיך די טעטיקייט פֿון אייניקע אָפּטיילונגען פֿאַר דעם באַריכטס-פּעריאָד אויסדריקן אין פֿאָלגנדע ראָטן: היימלאָזע זיינען באַוואָרגט געוואָרן איבער 13.500; עמיגראַנטן זיינען באַדינט געוואָרן איבער 20.000; קרובים-געלטער זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן איבער 200.000.000 מ.; אויפֿגעבויט זיינען געוואָרן און ס'בויען זיך איבער 525 הייזער, געזעלשאַפֿטלע-

כע בנינים ביי 20; דער ביכערלאַגער אָפּערירט מיט אַ סכום פון קרוב 70.000 צקז.

„יעקאָפּאָ" האָט באַקומען געלט-מיטלען אויף איר אַרבעט פון ד. ד. ק., יק״א, לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט, — און בנוגע עמיגראַציע האָט זי געאַרבעט אין ענגסטער פאַרבינדונג מיט „היאַס".

ס'איז זייער אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן אויף יעדער איינער פון די דאָזיקע גרויסע אָרגאַניזאַציעס, ווייל פון איין זייט זיינען דאָס ביז איצט געווען די מקורים פון די געלט-מיטלען, אַזוי צו זאָגן די אויסערע באַוועגנדע כוחות פון דער גאַנצער טעטיקייט, — און פון דער אַנדער זייט כאַראַקטעריזירט זייער באַציאונג צו „יעקאָפּאָ" אונזער אייגענע אָרגאַניזאַציע אין איר קראַפט.

אין אונזער גאַנצער געגנט איז די אַרבעט פעסט אָרגאַניזירט פון „יעקאָפּאָ" אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות און מחמת דעם ווערט די גאַנצע אַרבעט געטאָן נאָר דורך „יעקאָפּאָ", דהיינו דורך די אייגענע אָרגאַניזירטע כוחות פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט.

דער „דזשוינט", וועלכער האָט אין גרעסטן טייל געגנטן געאַרבעט זעלבסטשטענדיק, האָט ביי אונז געפונען אַ פּאַרטיקע אויסגעפּרובטע אָרגאַניזאַציע מיט אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן צוטרוי, און ס'איז שוין אַבסאָלוט געווען איבעריק און אויך אוממעגלעך אַ פרעמדע אַריינמישונג. דאָס האָט גלייך צוגעגעבן אונזער אַרבעט גאָר אַן אַנדער חשיבות און האָט אויסגעמיטן די פעלערן, וועלכע דער „דזשוינט" איז באַגאַנגען אַנדערשוואו. חוץ דעם האָבן מיר, מיט אונזער אַרבעט און אָרגאַניזירטקייט, ניט ווייניק און ניט זעלטן געווירקט אויף דעם „דזשוינט" אין זין פון אַ מער פּלאַנמעסיקן און קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער פון זיין טעטיקייט.

דער „דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט" איז ביי היינטיקן טאָג רעאָרגאַניזירט אויף די יסודות פון 4 ספּעציעלע דעפּאַרטאַמענטן, דהיינו: קאָנסטרוקטיווער, מעדיצינישער, היימלאָזע און מלחמה-יתומים. ניט אַלע אַרבעטן גלייך און ניט צו אַלע קען דעריבער זיין איין און דיזעלבע באַציאונג.

די הילף פון „דזשוינט", אָבער, אין אַלגעמיינעם איז פון אַן אומגעהייערער באַדייטונג און וועט אייביק פאַרבלייבן אין דער געשיכטע.

יק״א האָט אונז געגעבן גרעסערע קרעדיטן אויף די אויפבויאונג פון די חרוב-געוואָרענע פונקטן און דער באַנק האָט זי געגעבן אַ קרעדיט פאַר אונזערע ליי- און שפּאָר-קאַסעס. ס'דאַרף אָנערקענט ווערן דער אינטערעס און די ערנסטקייט, מיט וועלכע יק״א האָט זיך גלייך אָפּגערופן אויף אונזער ווענדונג און האָט געגעבן די מעגלעכקייט אַוועקצושטעלן און צו אַנטוויקלען אויף באַוואָרנטע יסודות די אויפבוי-אַקציע.

ס'דאַרף באַטאָנט ווערן די וואַרימע באַציאונג, וואָס דער לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט האָט אַרויסגעוויזן צום גורל פון די פאַרוואָגלטע פון רוסלאַנד און אוקראַינע, וואָס קערן זיך איצט אום אין זייערע אַלטע היימען און האָבן ניט קיין מעגלעכקייט זיך אויפצובויען. מיט זיין סובסידיע דורך „יעקאָפּאָ" האָט ער אַ סך פון זיי געהאָלפן און האָט אַריינגעטראָגן אַ געוויסן חלק אין דער פאַרענטפערונג פון דער גרויסער הילפס-פּראָבלעם.

„היאַס" איז אַ מעכטיקע הילפס-אָרגאַניזאַציע און טוט זייער אַ סך אויף דעם אומגעהויער וויכטיקן פאַר די ברייטסטע יידישע פאָלקס-מאַסן געביט פון עמיגראַציע. פאַר אונזער גאַנצער געגנט, — ווילנע און די גרויסע פּראָווינץ, — האָט „יעקאָפּאָ" די פולמאַכט פון „היאַס" צו פירן אָט די אַרבעט.

אַ גרויסער טייל אַרבעט פון „יעקאָפּאָ" ווערט געפירט אויף די געזונטע יסודות פון קרעדיט, און „יעקאָפּאָ" באַקומט און צאָלט אָפּ פּינקטלעך צוריק דאָס אַנטלייענע געלט.

„יעקאָפּאָ" האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו וועקן די זעלבסט-טעטיקייט און נאָך מיט אַ צייט צוריק האָט זי אויסגעאַרבעט און געשטעלט צום סדר-היום די פראַגע פון אייגענע מיטלען אויף די ערטער און מען דאַרף האָפן, אַז וואָס ווייטער וועט דער ערפאָלג זיין גרעסער.

אויף אַזאַ אופן האָט דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין משך פון די צוויי יאָר פון דער ערשטער קאָנפערענץ ביז איצט פילפאַך פאַרברייטערט דעם אומפאַנג און תוך פון זיין טעטיקייט און האָט פאַרטיפט און פאַרגרעסערט די אויפבוי-אַרבעט.

די היימלאָזע-אַרבעט, די עמיגראַציע, די קרובים-געלטער, די קרעדיט-ענינים, די פּראָדוקטיווע-הילף, די קולטור-אַרבעט דורך דעם ביכער-לאַגער א. א. האָט ער געטאָן הן אין שטאָט והן אין דער פּראָווינץ און איז ביי היינטיקן טאָג אויסגעוואַקסן אין די איינפלוסרייכסטע צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציע פאַר פּראַקטישע הילף- און אויפבוי-אַרבעט.

II.

באַריכט צו דער דריטער קאָנפערענץ

(9–10 מערץ 1924).

די היינטיקע קאָנפערענץ האָט דעם באַזונדערן חותם, וואָס זי פאַלט צונויף מיטן 5-יאָריקן יובילײ פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע. אויב אונזער ערשטע קאָנפערענץ דעם 8–9–10 סעפּטעמבער 1919 האָט געהאַט דעם צוועק צו לייגן דעם יסוד פאַר אונזער קאָנסטיטוציע און צו אָרגאַניזירן אונזער הילפס-טעטיקייט, האָט די צווייטע קאָנפערענץ דעם 5–6–7 דעצעמבער 1921 געהאַט פעסטצושטעלן אונזער טעטיקייט אין רעכטן ברעג, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די ברייטסטע אויפבוי-פאָרמען, — און אונזער איצטיקע דריטע קאָנפערענץ דעם 9–10 מערץ 1924 האָט שוין די מעגלעכקייט אונטערצוציען געוויסע סך-הכּלען אויפן סמך פון זייער אַ גרויסע פּראַקטיק און אומאויפהערלעכע אויפטוען אויף אַלע געביטן פון יידישן צורואינירטן לעבן אין די שווערע יאָרן פון חורבנות, אָקופּאַציעס און נאַכווייענישן.

דער באַריכט נעמט אַרום פאָלגנדע געביטן פון אַרבעט:

1) היימלאָזע-ענינים, הלוואות, רעעמיגראַנטן, רעעוואַקואַציע; 2) אויפבויאונג פון די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה-הייזער; 3) מעבל פאַר די בונים; 4) געזעלשאַפטלעכע בנינים; 5) יתומים- און קינדער-פאַרזאָרגונג; 6) יורידישע הילף; 7) עמיגראַציע; 8) ביכער-לאַגער; 9) פאַרשיידענע מינים הילף; 10) באַציאונגען מיט די צענטראַלע הילפס- און אויפבוי-אָרגאַניזאַציעס; 11) אינעווייניקסטע אַרבעט פון קאָמיטעט.

1) אין יאָר 1922 האָט „יעקאָפּאָ" פאַררעגיסטרירט און געגעבן הילף 8759 היימלאָזע און רעעמיגראַנטן; אין יאָר 1923 — 2396 היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, — צוזאַמען פאַר די באַריכט-צייט — 11155 פּערזאָן. די הילף איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע און האָט אַרומגענומען אַלע באַדערפענישן פון די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן: דערנערונג, וועש, קליידער און שיך; מעדיצינישע הילף; יורידישע הילף; שפּעטער — הילף אין דער פאָרם פון הלוואות אויף איינאָרדענען זיך; קינדער-פאַרזאָרגונג; קולטורעלע הילף.

אין יאָר 1922 און אָנהויב 1923 האָט „יעקאָפּאָ" אויסגעהאַלטן אין די גרענעץ-פונקטן און אין די גרעסטע רעעמיגראַציע-פונקטן 12 ספּעציעלע ביוראָען און קאָמיסיעס פאַר היימלאָזע- און

רעפּאַטריאַציע ענינים, דהיינו: א) פֿאַר טראַנזיט היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן: 1) ווילנע, 2) מאָלאָדעטשנע, 3) לידע, 4) ראַקאָוו, 5) ניי-סווענציאַן, 6) גרויס-ווילייקע, 7) ראַדאָשקאָוויטש, 8) גלובאָקע, 9) נאָוואָגרודאָק, 10) דיסנע; ב) צו באַדינען די אָרטיקע רעעמיגראַנטן: 1) סמאָרגאָן, 2) ווידז.

אין סמאָרגאָן און ווידז, וואו די רעפּאַטראַציע איז געווען באַזונדערס קאָנצענטרירט, האָט „יעקאָפּאָ" סוף יאָר 1922 און אָנהייב 1923 רעמאָנטירט און אויפֿגעבויט פֿון דאָס ניי 7 בנינים אַלס מאַסן-וואוינונגען פֿאַר די היימלאָזע רעעמיגראַנטן, — 5 בנינים אין סמאָרגאָן און 2 אין ווידז.

אויף קינדער-פֿאַרזאָרגונג זיינען אין משך פֿון די יאָרן 1922 און 1923 אַרויסגעגעבן געוואָרן ספּעציעלע סומעס אין סמאָרגאָן, ווידז און קרעווע.

אין סמאָרגאָן האָט די אַקציע פֿאַר קינדער-פֿאַרזאָרגונג אָנגענומען באַזונדערס ברייטע פֿאָרמען. אַזוי האָט דאָרט עקסיסטירט פֿון 16 יאַנואַר 1923 ביז 24 אַפּריל 1924 אַ דערנערונגס-פּונקט פֿאַר 160 קינדער און פֿון 10 דעצעמבער 1922 ביז פּסח 1924 אַ מאָדערנער אינטערנאַט פֿאַר 60 קינדער מיט אַ סטאָלעריי-וואַרשטאַט פֿאַר יינגלעך און אַ נייטעריי פֿאַר מיידלעך.

חוץ געלט-שטיצע איז בערך 20000 היימלאָזע און רעעמיגראַנטן אַרויסגעגעבן געוואָרן — פֿון אויגוסט 1919 ביז פֿעווראַל 1924 — 56942 שטיק וועש; 19429 בגדים; 17932 פּאָר שיך; 10156 פּוד פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן; 20609 פּושקעס קאָנדענסירטע מילך און ביסקוויט; 12470 פֿונט זייף.

די געלט-שטיצע פֿאַר די היימלאָזע און רעעמיגראַנטן האָט פֿאַר די צוויי יאָר פֿון באַריכט באַטראָפֿן בערך 25000 דאָל.

הלוואות רעעמיגראַנטן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 707 אין אַ סומע פֿון 2500 דאָלאַר, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט איינצואָרדענען זיך איבער 500 פֿאַמיליעס פֿון היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן, גרעסטנטיילס פּראָדוקטיווע עלעמענטן.

פֿון יולי ביז דעצעמבער 1923 האָט „יעקאָפּאָ" געהאַט צו טאָן מיט אַ נייעם גירוש. 146 פֿאַמיליעס (313 פּערזאָן) זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון ווילנע און געגנט קיין רוסלאַנד, ליטע א. א. די רעעוואַקואַציע האָט פֿאַר דעם האַלב יאָר צייט אָפּגעקאָסט איבער 2000 דאָל., דערהויפּט אויף רייזע-הוצאות און שטיצע אויפֿן וועג, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט די מגורשים פֿון פֿאַרשיידענע עינויים, עטאַפּ, אַרויסשיקונג מיט צוואַנג וכדומה.

2) די רעפּאַטריאַנטן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין זייערע אַלטע היימען — סמאָרגאָן, ווידז, קרעווע, ווישנעווע, ליובטש, קאָרעליטש, האָראָדישטש, ליאַכאָוויטש א. א., — האָבן געפֿונען די היימען חרוב ומוחרב און נאָך דער ערשטער גיכער הילף פֿון „יעקאָפּאָ", קומענדיק צו זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן אויפֿצושטעלן זייערע הייזער. און דאָ איז „יעקאָפּאָ" געקומען צו הילף מיט באַדייטנדע קרעדיטן, אָן וועלכע ס׳וואָלט געווען לחלוטין אוממעגלעך די אויפֿריכטונג פֿון די דאָזיקע ישובים. פֿאַר די צוויי יאָר פֿון באַריכט זיינען אויפֿגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פֿון „יעקאָפּאָ" 1308 הייזער, וואָס האָט איינגעאָרדנט איבער 5000 רעעמיגראַנטן, אַרויסראַטעווענדיק זיי פֿון די אָקאָפּעס, קעלערס, מאַסן-וואוינונגען און לעכער, שאַפֿנדיק פֿאַר זיי מענטשלעכע באַדינגונגען פֿון לעבן און שטעלנדיק זיי אויף אַ פֿעסטן יסוד פֿון אַ זעלבסטשטענדיקן קיום.

דער קרעדיט אויף די הייזער האָט באַטראָפֿן אין די צוויי יאָר בערך 70000 דאָלאַר.

3) אין די הייזער איז געווען נייטיק מעבל, די עלעמענטאַרסטע מעבל. דער רעעמיגראַנט, שוין האָבנדיק דאָס הויז, האָט אָפֿטמאָל נאָך אַלץ ניט געהאַט אויף וואָס אַוועקצולייגן די קאָפּ, אויף וואָס צו זיצן און עסן. „יעקאָפּאָ" האָט דעריבער איינגעפֿירט אַ ספּעציעלן קרעדיט, — אָפֿטמאָל איז ער געגאַנגען פּאַראַלעל מיטן קרעדיט אויפֿן הויז, — אויף מעבל און האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן קרעדיט אין נאַטור. אַזוינע הלוואות זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 359 פֿאַר 1406 פּערזאָן, אויף אַ סומע פֿון בערך 2500 דאָלאַר.

4) אַז די שטעטלעך זיינען שוין געוואָרן אויפֿגעבויט, איז געוואָרן אַקטועל די פֿראַגע וועגן בנינים פֿאַרן כּלל, וועגן געזעלשאַפֿטלעכע בנינים אָדער פֿאָלקס-בנינים, וואו ס׳זאָל זיך קאָנצענטרירן דאָס קולטורעלע לעבן פֿון שטעטל, און וואָס זאָלן ווערן איר געזעלשאַפֿטלעכער צענטער. אַזוינע בנינים זיינען אויסגעבויט געוואָרן אינגאַנצן אָדער טיילווייז אין די אַממייסטן חרוב-געוואָרענע און אָפּגעבויטע שטעטלעך, ווי סמאָרגאָן, ווידז, קרעווע, ווישנעווע, קאָרעליטש, האָראָדישטש און ליובטש.

5) אַן אינטענסיווע טעטיקייט האָט „יעקאָפּאָ" אַנטוויקלט אויך אויפֿן געביט פֿון פֿאַרזאָרגן די מלחמה-יתומים, הן אין אינטערנאַטן והן ביי פּריוואַטע פּערזאָנען. אין יאָר 1922, ווען די אַקציע האָט זיך איינגנטלעך אָנגעהויבן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, האָט די צאָל אַדאָפּטירטע יתומים דערגרייכט פֿון 148 אין יאַנואַר ביז 568 אין דעצעמבער און איז אין יאָר 1923 דערגאַנגען ביז 743 אין יאַנואַר און 795 אין יולי, דורכשניטלעך — 754. די גרעסטע אַכט האָט „יעקאָפּאָ" געלייגט אויף די אַלגעמיינע בילדונג פֿון די קינדער און אויף די פֿאַך-אויסבילדונג פֿון די עלטערע יתומים. כּמעט אַלע קינדער באַזוכן אַ שול און איבער 100 נייע קינדער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ביי פֿאַרשיידענע מלאכות. דורכשניטלעך האָט דער בודזשעט פֿון דער יתומים-פֿאַרזאָרגונג באַטראָפֿן ביז 2000 דאָלאַר מאָנאַטלעך.

6) די יורידישע אָפּטיילונג פֿון „יעקאָפּאָ" האָט אין די צוויי יאָר געהאַט אַ סך צו טאָן מיט ענינים פֿון היימלאָזע, גירושים, רעפּאַטריאַציע, ווי אויך, פֿון דער אַנדער זייט, מיט די ענינים פֿון אויפֿבוי. אין ציפֿער דריקט זיך אויס די אַרבעט אויפֿן פֿאָלגנדן אופֿן: פֿאַר רעגיסטרירטע ווענדונגען זיינען אין יאָר 1922 געווען 1150, אין יאָר 1923—1052. פֿון דער צאָל זיינען אין 75 פּראָצענט פֿאַלן געגעבן געוואָרן מינדלעכע עצות און אין 25 פּראָצ. זיינען געשריבן געוואָרן בקשות און אונטערגענומען געוואָרן פֿאַרשיידענע אינטערווענצן ביי דער מאַכט. לויט דעם אָרט ענין צעטיילט זיך די יורידישע הילף אויף: א) בערך 1000 היימלאָזע-ענינים (פּאַספּאָרט-פֿראַגן, אַרויסשיקונגען, רעפּאַטריאַציע וכדומה); ב) בערך 500 ציווילע ענינים; ג) בערך 400 קרימינעלע און אַדמיניסטראַטיווע ענינים און ד) דאָס רעשט קומט אויס אויף שטייער-ענינים און יורידישע ענינים פֿון געזעלשאַפֿטן, ווי שולן, ביבליאָטעקן, קהלות, קאָמיטעטן וכדומה. אין די אָנגערופֿענע ציפֿער גייען ניט אַריין אַ גרויסע צאָל איינצלנע ווענדונגען, וואָס זיינען ניט פֿאַררעגיסטרירט געוואָרן, ווי אויך פֿאַרשיידענע ווענדונגען און אָנפֿראַגן דורך פּאָסט וכדומה. אין אַ ריי פֿאַלן האָט די יורידישע אָפּטיילונג צוזאַמען מיט פֿאַרשטייער פֿון קאָמיטעט דערלאַנגט און דורכגעפֿירט מעמאָראַנדומס פֿון אַלגעמיינער באַדייטונג.

7) די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פֿון „יעקאָפּאָ", פֿעדערירט מיט „היאַס", האָט אין די צוויי יאָר אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדע טעטיקייט, אַרויסגעבנדיק אַלע נייטיקע אינפֿאָרמאַציעס די עמיגראַנטן, פֿאַרבינדנדיק זיי מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע, אויסצאָלנדיק זיי די אָנגעקומענע געלטער וכדומה. די אָפּטיילונג האָט אויך דורכגעפֿירט פֿאַר די

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

עמיגראַנטן ביי דער מאַכט די נויטיקע פּאַפּירן און אויסלענדישע פּעסער.

געלט, וואָס איז אָנגעקומען פון די אַמעריקאַנער קרובים, איז אויסגעצאָלט געוואָרן דורך אונזער אָפּטיילונג אין ווילנע און געגנט: אין יאָר 1922 — 341.912 דאָלאַר און אין יאָר 1923 — 283.105 דאָלאַר.

8) דער ביכערלאַגער האָט ווייטער אַנטוויקלט זיין קולטורעלע טעטיקייט. ער האָט נאָרמירט די פּרייזן אויפן ביכער-מאַרק, מאַכנדיק צוטריטלעך דעם יידישן און העברעאישן בוך פאַר אונזערע ביבליאָטעקן, שולן און ברייטערע קרייזן פון לעזער. צוליב דער צוועקמעסיקייט פון זיין אַרבעט, איז ער צום יאָר 1924 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג, פאַוואָרענענדיק, אַז אַזוי ווי פריער זאָל פאַקטיש דער ביכער-לאַגער זיך געפינען אין רשות פון דער עקזעקוטיווע פון „יעקאָפּאָ“.

9) „יעקאָפּאָ“ האָט אויך פאַר די צייט געגעבן אַ פאַרשיידנאַרטיקע פילאַנטראָפּישע הילף און אַ גאַנצער ריי עקסטרע פאָלן און ספּעציעל פאַר היימלאָזע און רעעמיגראַנטן.

10) אויף צו פירן איר אַרבעט האָט „יעקאָפּאָ“ זיך געפונען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט און אַלע זיינע דעפּאַרטאַמענטן, מיט יק״א און מיט „היאַס“. די געלט-מיטלען פאַר היימלאָזע און רעעמיגראַנטן, הן פילאַנטראָפּישע והן פּראָדוקטיווע, האָט געגעבן די היימלאָזע-אָפּטיילונג פון ד. ד. ק., פאַר מלחמה-יתומים—די יתומים-אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. די אויפבוי-אַרבעט איז, מערקערס, געפירט געוואָרן אויף ריינע קרעדיט-יסודות. די קרעדיטן האָט „יעקאָפּאָ“ באַקומען פון יק״א און פון דער קאָנסטרוקטיווער אָפּטיילונג פון ד. ד. ק. די געלטער זיינען אומגעקערט די דאָזיקע אינסטיטוציעס מיט פּראָצענטער. וואָס איז שייך דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ“ באַקומט זי אַ געוויסע מאָנאַטלעכע סובסידיע פון „היאַס“. דער ביכער-לאַגער האַלט זיך אַליין אויס. אַ גרויסער טייל אָרגאַניזאַציאָנס-הוצאות דעקט זיך אויך אַליין.

11) די אינעווייניקסטע אַרבעט פון קאָמיטעט האָט זיך פאַר די צוויי יאָר אויסגעדריקט אין 6 באַראַטונגען און קאָנפערענצן ווענן די באַזונדערע צווייגן פון דער „יעקאָפּאָ“-טעטיקייט מיט דער באַטייליקונג פון די באַטרעפנדע פאַרשטייער פון דער פּראָווינץ; 36 זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע; 63 זיצונגען פון דער היימלאָזע-קאָמיסיע; 60 זיצונגען פון דער אויפבוי-קאָמיסיע; אַ ריי זיצונגען פון דער יתומים-קאָמיסיע; כמעט טאָגטעגלעכע זיצונגען פון דער אַרבעטס-ביוראָ, ד. ה. פון דער קאָלעגיע עקזעקוטיוו-מיטגלידער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין קאָמיטעט אַלס אָנגעשטעלטע (גענעראַל-סעקרעטאַר און פאַרוואַלטערס פון די אָפּטיילונגען).

מ. שאַליט.

די דריטע געגנט-קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע דעם 9—10 מערץ 1924.

אין דער צווייטער ריי זיצן פון רעכטס אויף לינקס: הרב מאַוויקאָוויטש (דעוועניטשעק); לוי וויינשטיין (בראַסלאַוו); י. וואָלק, א. רודניצקי, ס. אַנטאָוויל, מ. שאַליט, ד״ר צ. שאַבאַד (ווילנע); הרב סאַצקעס (איוויע); ש. ח. דובין (גר. ווילייקע); הרב קאַץ (גלובאָקע). אין דער דריטער ריי פון רעכטס אויף לינקס — דער פערטער: י. ווערניק, י. גורוויס (ניי-סווענציאַן); ש. פרידה (אָשמענע); א. קליאַנסקי, א. לאַנגבאַרט (ווילנע); ח. ברוק (ליובטש); דער צוועלפטער — הרב ז. שאַפּירא (יאַשון). אין דער פערטער ריי ב. זלאָטקין (ווירזו); וואָלאָך (האָראַדישטש); י. ליובעשאַנסקי (נאָוואָגרודעק); ג. עליאַסבערג (קאָרעליטש); י. מעכאַניק (סעלו-רעק); י. קאַפּעליאָוויטש (גר. ווילייקע); ב. וויינשטיין (סמאָרגאָן); אין דער דריטער ריי פון לינקס אויף רעכטס: צווו. י. יאַבוועד (ווילנע); אין דער ערשטער ריי פון לינקס אויף רעכטס — דער פערטער: י. שעראַשאָן (ווילנע); י. מאַליאַצקי (ווירזו).

רשימה פון די דעלעגאטן, וועלכע האבן זיך באטייליקט אין די דריי געגנט-קאנפערענצן פון „יעקאפא“ אין ווילנע.

1) ערשטע געגנט-קאנפערענץ דעם 8—9—10 סעפטעמבער 1919.

1) הרב א. אייזענבוד, וואסיליסאק; 2) י. אבראמאוויטש, סאל; 3) כ. אבראמאוויטש, פאדבראדז; 4) י. אקסעלראד, ראדזישאק; 5) הרב מ. אנאוויטש, נאוואגרודאק; 6) י. גרווידא, וויסאקי-דוואר; 7) י. גרווירא, טראב; 8) ח. בריק, ליוגאס; 9) נ. גאיארסקי, ראדון; 10) א. בענדער, אייוויע; 11) ה. בעקערמאן, ווארענאווע; 12) הרב צ. באקאלסאק, האראדישטש; 13) ש. בעקער, לייביטאק; 14) מ. בערענשטיין, נעמענטשין; 15) ש. ברורנא, וואלאזשין; 16) א. באראן, כששוסקין; 17) הרב בראי, וויסאקי-דוואר; 18) ח. גאלאמב, טראק; 19) י. גאלרמאן, סורגעל און די קאלאניעס; 20) ז. גווינט, קורענעץ; 21) ר. גינענסקי, נאוואגרודאק; 22) י. גארדאן, קאבילניק; 23) ה. גירוויטש, איגנאלינע; 24) א. גרויסבארד, שירווינט; 25) יעקב גאלאמב, מייסעגאלע; 76) מ. גינזבורג, שובעליסקי; 27) דוב גריינזל, ביסטריץ; 28) י. גארדאנאוויטש, אלשאן; 29) הרב י. דאבאוויטש, ווארניאן (קענע און טראגיי); 30) ה. הירזוויטש, נייסווענציאן; 31) מ. האמבורג, רעקסנע; 32) א. הורוויטש, ווארענאווע; 33) א. העלער, מאליאט; 34) ר. ווייצעל, באראנאוויטש; 35) ל. ווילענגלייס, האנושישאק; 36) הרב י. טאשינסקי, צעסטרין; 37) ש. טשומאק, יעווע; 38) י. יאכעלעוויטש, קארעליטש; 39) ר. כהן, נאוואגרודאק; 40) ש. כהן, דעליאטיטש; 41) הרב דוד לייבאוויטש, סעלעצניק; 42) א. לאפין, לאנדווארעווע; 43) ו. לין, פאסטאוו; 44) ק. לעווין, אינטורעק; 45) י. לונין, וואלאזשין; 46) ש. ליס, וואסיליסאק; 47) י. לובאצקי, באראנאוויטש; 48) י. מיקלאשעווסקי, פאנאסישקי; 49) נ. מוסקי, ליפנון; 50) הרב י. מיסקאווסקי, זשעלודאק; 51) ש. מינץ, ווישנעווע; 52) הרב נ. מוסעזאן, סווירז; 53) יוסף מעכאניק, זשעלודאק; 54) מ. מענדעלעוויטש, פאבערעזי-נעדרויץ; 55) ש. סעלאמיאק, היירוטישעק; 56) א. סטרוגאטש, אשמענע; 57) ז. סוירסקי, לינטופ; 58) י. סווירסקי, סווענציאן; 59) הרב צ. ענסין, מיכאלישאק; 60) נ. פערסקי, אשמענע; 61) הרב לייב פיין, אשמענע; 62) א. פאריץ, זשופראן; 63) א. פאסטער, ביניאקאני; 64) ל. פאמעראנץ, סווענציאן; 65) ר. פיק, מאליאט; 66) מ. קיטצעווסקי, אייסישאק; 67) א. קלאק, לינגמיאן; 68) א. קלעבאנאוו, וועליטשאן; 69) ד״ר י. קאווארסקי, מערעטש; 70) ח. קאפעלאוויטש, ווילייקע; 71) אינזש. י. קאווארסקי, סווענציאן; 72) נ. קאווארסקי, סווענציאן; 73) ל. קאץ, ארמן; 74) ב. קארבמאן, בוטרימאנץ; 75) הרב ש. כ״ץ, גאריסאוויטש; 76) הרב י. רודניק, דיעליץ; 77) ב. ראבינאוויטש, אייסישאק; 78) הרב ש. ראזאווסקי, קאמוליע; 79) ר. רודניצקי, העליובן; 80) הרב ס. רויסנערג, ליפנישאק; 81) אל. רגבאל, ראדוניסאק; 82) הרב מ. שאצקעס, אייוויע; 83) ז. שטערן, אלקעניק.

חוץ דעם — די מיטגלידער פון ארגאניזיר-קאמיטעט פון „יעקאפא“ ד״ר שאבאד, מ. שאליט, ב. כהן, מ. יעווועראוו, אינזשענער וו. ס. מאקאווער, ל. זאקהיים, י. וואלק, א. לאנגבארד, ד״ר א. פאקאווער, נ. קאווארסקי.

2) צווייטע געגנט-קאנפערענץ דעם 5—6—7 דעצעמבער 1921.

1) ישראל אבראמאוויטש, אנדריאלישאק; 2) ברוך ראבינאוו, אייסישאק; 3) דובער גילינסקי, איגנאלינע; 4) הרב משה שאצקעס, אייוויע; 5) אהרן בענדער, אייוויע; 6) ברוך אבראמאוויטש, אלשאן; 7) אלחנן פרידער, אשמענע; 8) נחמיה פערסקי, אשמענע; 9) מיירע סאלאוויטש, אשמענע; 10) צבי קאיאצקי, אפסע; 11) יצחק בערנער, אייוועניץ; 12) חיים-לייב מאטעל, איליע; 13) הרב יוסף רודניק, ביעליצע; 14) לוי יצחק ווינשטיין, בראסלאוו; 15) הרב אליהו נארבער, גאראדאק; 16) יעקב באקסט, דעליאטיטש; 17) פסח וואלאצקי, היידוטישאק; 18) הרב יוסף הלוי קאץ, גלובאקע; 19) שלמה יאגען, גלובאקע; 20) משה סולהיימער, גלובאקע; 21) גדליהו גלאז, דוקשט; 22) דן סייגעל, דונילאוויטש; 23) אשר פרעסמאן, דאקשיץ; 24) בן-ציון גורוויטש, דאקשיץ; 25) אלקסנדר גאציג, דיסנע; 26) שמעיהו נ. יפה, דיסנע; 27) ברוך ראזן, דיסנע; 28) הרב ישראל מאיסעוויטש, דעווענישעק; 29) יעקב קאפעלאוויטש, ווילייקע-ווינאגין; 30) שלמה חיים רובין, ווילייקע-ווינאגין; 31) הרב יוסף מיסקאווסקי, ווארענאווע; 32) מענדל רודענסקי, ווישנעווע; 33) שלמה חיים ברורנא, וואלאזשין; 34) יוסף כאנאכאוויטש, וואלאזשין; 35) הרב אליהו אייזענבוד, וואסיליסאק; 36) ברוך זלאטקין, ווידז; 37) יוסף מעכאניק, זשעלודאק; 38) זעליק שווארץ, זאסקעוויטש; 39) יצחק מאיר ניסער, טראק; 40) הרב אברהם סאכאראוו, טראב; 41) משה קאלמאנאוויטש, טורעץ; 42) זלמן שאפירא, יאסין; 43) הרב יצחק ווייס, ליובטש; 44) דובער ווינער, לעבעדעווע; 45) שלמה קאפלאן, לידע; 46) משה גאלדבערג, לידע; 47) זאב סאקאלאווסקי, לידע; 48) אברהם לאפין, לאנדווארעווע; 49) אליהו זאלאג, לינטופ; 50. הרב ס. רויסנערג, ליפנישאק; 51) הרב צבי ענסין, מיכאלישאק; 52) אלחנן מערקין, מייסעגאלע; 53) יוסף וויראוויטש, מאלאדעטשנע; 54) יצחק הורדוס, ניי-סווענציאן; 55) הרב אליקים לאנדמאן, ניי-ווילייקע; 56) שלום כהן, נאוואגרודאק; 57) משה שימאנאוויטש, נאוואגרודאק; 58) הרב מאיר מאנאוויטש, נאוואגרודאק; 59) אליהו גינזבורג, סאל; 60) אברהם גליקמאן, סעלעטסניק; 61) מאיר סאראמיסקי, סווענציאן; 62) לייב פאמעראנץ, סווענציאן; 63) יוסף סווירסקי, סווענציאן; 64) גרשון ווינשטיין, סמארגאן; 65) מאיר גינדין, פליסע; 66) הרב משה פערסקי, פאדבראדז; 67) שמואל זילבערגלאט, קריוויטש; 68) דובער גוטערמאן, קאלטיניאן; 69) גרשון עליאשבערג, קארעליטש; 70) זלמן גווינט, קורענעץ; 71) דובער גאיארסקי, ראדון; 72) אברהם פעקלער, ראדאשין; 73) יעקב ווילענטשיק, ראזשאנקע; 74) הרב אברהם קאלמאנאוויטש, ראקאוו; 75) יוסף ליבמאן, ראדאשקאוויטש; 76) חיים איזראעליעוויטש, קראסנע; 77) העשל הורוויטש, ניי-סווענציאן; 78) יעקב כהנאוויטש, ראדאשקאוויטש; 79) יוחנן לעווין, מאלאדעטשנע; 80) משה כהן, סמארגאן; 81) מנחם באלנעריסקי, פאדבראדז; 82) יעקב מאליאצקי, ווידז; 83) יצחק לעווין, לעבעדעווע; 84) שמואל שישקא, נאריסאורקע; 85) ד״ר צ. שאבאד, ווילנע; 86) ד״ר י. וויגאדסקי, ווילנע; 87) מ. שאליט, ווילנע; 88) ל. זאקהיים, ווילנע; 89) י. וואלק, ווילנע; 90) א. לאנגבארד, ווילנע; 91) א. רודניצקי, ווילנע; 92) נ. קאווארסקי, ווילנע; 93) הרב חיים עוזר גראדזענסקי, ווילנע; 94) הרב ס. פריד, ווילנע; 95) אינזש. וו. מאקאווער, ווילנע.

3) דריטע געגנט-קאנפערענץ דעם 9—10 מערץ 1924.

1) אברהם סעריסקי, אסטרין; 2) הרב משה שאצקעס, אייוויע; 3) שלום שרירא, אשמענע; 4) אורי ראזאווסקי, אייסישאק; 5) לוי יצחק ווינשטיין, בראסלאוו; 6) הרב יוסף הלוי קאץ, גלובאקע; 7) שלמה באגין, גלובאקע; 8) הרב ישראל מאיסעוויטש, דעווענישעק; 9) אשר פרעסמאן, דאקשיץ; 10) הרב מרדכי יעקב גאלינקין, דאקשיץ; 11) ברוך קילעס, דונילאוויטש; 12) זלמן קורלאנסקי, היידוטישעק; 13) ירוחם וואלאך, האראדישטש; 14) הרב אליהו אייזענבוד, וואסיליסאק; 15) הרב משה לייב ליסקי, ווארענאווע; 16) יעקב קאפעלאוויטש, ווילייקע; 17) שלמה חיים רובין, ווילייקע; 18) ברוך זלאטקין, ווידז; 19) יעקב מאליאצקי, ווידז; 20) אליקום גורוויטש, זאסקעוויטש; 21) יוסף מעכאניק, זשעלודאק; 22) הרב שמואל מארקאוויטש, טורעץ; 23) הרב זלמן שאפירא, ליפנישעק; 24) בער ווינער, לעבעדעווע; 25) אליעזר לעווינסאן, לעבעדעווע; 26) שבנא זאמאטשניק, ליבכאוויטש; 27) חיים ברוק, ליובטש; 23) יעקב ליובטשאנסקי, נאוואגרודאק; 29) יוסף סאלמיק, ניי-ווילייקע; 30) יצחק הורדוס, ניי-סווענציאן; 31) פסח האכבערג, סיניאווקע; 32) יוסף סווירסקי, סווענציאן; 33) הרב מ. א. פאלאנסקי, סווענציאן; 34) יעקב ביעז גורוויטש, סמארגאן; 35) גרשון ווינשטיין, סמארגאן; 36) הרב משה פערסקי, פאדבראדז; 37) מאיר גינדין, פליסע; 38) אביגדור אבראמסאן, קרעווע; 39) זלמן גווינט, קורענעץ; 40) גרשון עליאשבערג, קארעליטש; 41) יעקב ווילענטשיק, ראזשאנקע; 42) ד״ר צ. שאבאד, ווילנע; 43) הרב חיים עוזר גראדזענסקי, ווילנע; 44) הרב שמואל פריד, ווילנע; 45) משה שאליט, ווילנע; 46) מ. יעווועראוו, ווילנע; 47) י. וואלק, ווילנע; 48) א. קליאנסקי, ווילנע; 49) ב. אנטאוויל, ווילנע; 50) אליהו רודניצקי, ווילנע; 51) א. לאנגבארד, ווילנע; 52) נ. קאווארסקי, ווילנע.

די פראפעסיאנעלע צוזאמענשטעלונג פון די דעלעגאטן פון דער צווייטער און דריטער קאנפערענץ.

רבנים—31; הענדלער—29; כוחרים—22; אנגעשטעלטע—17; לערער—14; פארמאצעוטן—10; בוכהאלטערן—5; האנטווערקער—5; רעקטורים—[illegible]; ערד-ארבעטער—3; ארבעטער—2; ליטעראטן—2; אדוואקאטן—2; אינזשענערן—1; פאקטאריעלאנן—1. צוזאמען—147.

פון דער פּאַרטיזאַנער-עפּאָכע אין אַ קליין שטעטל*).

(זכרונות פון אַ רב).

1.

אין יאָר 1915, אומגעפער אין יאַנואַר מאָנאַט, איז געקומען רעווידירן דעם אָרטיקן גלובאָקער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דעם באַפולמעכטיקטן מאיר פיינלייב, וועלכער איז געווען דאַן אַן אויפזעער איבערן גאַנצן ראַיאָן, דער חשובער גאַסט באַראָן אָסיע גינזבורג. צוליב דעם איז צונויפגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע זיצונג פון דעם הילפס-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ צוזאַמען מיט די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער. אין דעם אַלגעמיינעם באַריכט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טרויעריקער געשעעניש, וועלכע האָט פּאַסירט אין דער דערבייאיקער שטעטל פּאָסטאַוו, וואָס (אגב) דאָרטן איז געווען דער פראָנט. פון פּאָסטאַוו האָט מען געבראַכט צעריסענע שטיקער יריעות פון ספרי-תורות, און גראָד, מערקווירדיק, איז געבראַכט געוואָרן די יריעה פון דער תוכחה — און זי איז געווען פאַרפלעקט מיט בלוט. דאָס האָט זייער גערירט דעם באַראָן גינזבורג און ער האָט מיר געבעטן אים צוצושטעלן איינע פון די צעריסענע פאַרבלוטיקטע יריעות אַוועקצולייגן אַלס אָנדענקונג פון דער צייט אין מוזיי. זיין בקשה איז, פאַרשטענדלעך, ערפילט געוואָרן דורך מיר. די איבעריקע, וועלכע זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן ביי די סאָלדאַטן, האָבן מיר צו שפּעטער - צו מקבר געווען אויף דעם בית-עולם.

פון גלובאָקע איז דער באַראָן גינזבורג אין דער באַגלייטונג פון פיינלייבן אָפּגעפאָרן קיין דיסנע, וואו ס'האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער ערשטער אַרמיי און דער גענעראַל איז דאָרט געווען סוצקאָי. אים האָט אַלץ איבערגעגעבן דער הר' גינזבורג, אָבער מיט אַ טעות, אַז די זאַך האָט פּאַסירט מיט די ספרי-תורות ניט אין פּאָסטאַוו, נאָר אין גלובאָקע.

דער גענעראַל האָט גלייך פאַראָרדנט טעלעפאָניש אונזער דעמאָלטיקן קאָמענדאַנט יאַכאָנטאָוו, אַז ער זאָל אויספאָרשן דעם ענין, וועלכער האָט, וואַרשיינלעך, אויף אים אויך געמאַכט אַן איינדרוק, און האָט אויסגעפאָדערט דעם קאָמענדאַנט צו געבן אַ דערקלערונג, וואָס האָט פּאַסירט מיט די תורות אין גלובאָקע און ווי האָט ער רעאַגירט אויף דעם? דער קאָמענדאַנט, באַקומענדיק דעם שטרענגן באַפעל פון שטאַב, האָט געשיקט נאָך מיר צוויי באַוואָפנטע זעלנער מיט פּיקעס אין די הענט. ניט געפינענדיק מיר גראָד אין שטוב, זיינען זיי געלאָפן אין קאָמיטעט נאָך מיר מיט דער אויפפאָדערונג פון קאָמענדאַנט מיר צוצושטעלן גלייך צו אים. אַז איך בין געקומען צו אים אין דער קאַנצעלאַריע, האָט ער מיר אָנגעהויבן אויסציפרעגן וועגן די פּאַסירונגען מיט די תורות, וועלכע מ'האָט צעריסן. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען דעם טעות פון באַראָן גינזבורג, וועלכער האָט פאַרביטן די שטעט פון פּאָסטאַוו אויף גלובאָקע. האָב איך געענטפערט מיט זיכערקייט, אַז ס'האָט טאַקע פּאַסירט אין אונזער גרויסער שול. איך האָב עס געזאָגט דערפאַר, ערשטנס, כדי ניט צו ברענגען אין אַ שווערער לאַגע דעם באַראָן און, צווייטנס, האָט אַן ענלעכער פאַל טאַקע געטראָפן אין דער גרויסער שול, וואו מיר האָבן געפונען אויף דער ערד די ספרי-תורות. אין אונזער גרויסער שול האָט מען צונויפגעקליבן אַלע ספרי-תורות פון גאַנץ שטאָט, ווייל אַלע בתי-מדרשים זיינען געווען פאַרנומען פאַר שפּיטאָלן און זיינען געווען געפּאַקט מיט קראַנקע זעלנער און די גרויסע שול איז פאַר אונז פאַרבליבן אַלס די איינציקע. איינמאָל, ווען מיר זיינען אַריין דאַווענען, האָבן מיר דערזען דעם בילד, ווי די ספרי-תורות זיינען אַרויסגעוואָרפן אויף דער ערד. דעריבער האָב איך אים עס געזאָגט און אויך צוגעגעבן, אַז ס'פעלן נאָך ספרי-תורות און אַז די זעלנער האָבן פאַרקויפט אויפן מאַרק צוויי תורות צו קוואַרט מילך פאַר יעדערע. איך האָב דעריבער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו אינפאָרמירן וועגן דעם דעם קאָמענדאַנט, צושטעלנדיק דערביי באַווייזן, אַז מען האָט פאַרקויפט יריעות אויך און אַז די זעלנער האָבן די תורות געריסן. דערמיט איז אויך דערגרייכט געוואָרן פון זיך אַליין די כוונה צו פאַרהיטן דעם באַראָן גינזבורג, ווייל אין דער זעלבער צייט, וואָס מען האָט געהאַט פאַר אים רעספּעקט, וואָלט זיין טעות אים געבראַכט אין אַ געפערלעכער לאַגע און אין יענער צייט וואָלט מען אים דערפאַר געוויס אַרעסטירט, ווי פאַר אַן אויסגעטראַכטע זאַך און בלבול אויף מיליטער.

האָט מיר נאָכדעם געפרעגט דער קאָמענדאַנט: „וויפיל אין צאָל ספרי-תורות געפינען זיך אין שול?“ און ווי כ'האָב אויבן דערמאָנט, זיינען אין דער שול געווען אויפגעקליבן פון גאַנץ שטאָט די ספרי-תורות. האָב איך געענטפערט, אַז אומגעפער 100. האָט ער אַ געשריי געגעבן אויף מיר: „ווי קען מעגלעך זיין 100?!“ — „אויף וואָס דאַרף מען אַזוי פיל?“. האָב איך אים אויסגעקלערט, אַז לויט אונזער רעליגיע קען יעדערער, אויב ער האָט עס ביכולת, שרייבן אַ ספר-תורה. לעבן אים איז געשטאַנען זיין באַהעלפער, אַ יונגער היציקער קאָזאַצקער אָפיציר ראָמאַנענקאָ, וואָס פאַר אים

---

*) אין די צייטן פון די מהומות האָט די קליינע שטעטל מער געליטן, פאַרהעלטניסמעסיק, פון דער גרויסער שטאָט. די אימה און דער פחד איז אין דער קליינער שטעטל געווען גרעסער. און ווען אין דער גרויסער שטאָט איז זיך נאָך געווען אפשר צו וועמען צו ווענדן, איז געווען ווער זאָל זיך ווענדן, — איז די קליינע שטעטל איינגאַנצן געווען הפקר. אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פון אַ וועלכן ניט איז צופאַל, פון אַ נס. די אָרעמע הילצערנע הייזלעך זיינען געווען צוגעדריקט איינס צום אַנדערן און האָבן געציטערט פון שרעק. מיט די מענטשן האָט מען געקענט טאָן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געוואָלט. און דער פאָרשטייער פון דער יידישער שטעטל, דער רב, דער ערבות-מאַן, האָט געדאַרפט זיין דער אמתער העלד, דער גבור, וואָס שטעלט זיך איין פאַר דער גאַנצער שטעטל.

אַזוי איז געווען, מיט געוויסע הפסקות, אין משך פון אַ האַלבן דור צייט. ס'איז געגאַנגען פון יאָר 1914—1915 דורך דעם יאָר 1919 ביז אין די ערשטע צוואַנציקסטער יאָרן אַריין. די ווילנער געגנט האָט געקרעכצט און ווילנע אַליין האָט איבערגעלעבט פּאָגראָמען, וואָס האָבן געדויערט וואָכן און חדשים.

די עפּאָפּעע פון די יידישע שטעטלעך אין אָט דער פּאָגראָמדיקער צייט איז גרויס און טיף.

מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו ברענגען אָט דעם גרויסן דאָקומענטאַרישן מאַטעריאַל, די פעסטשטעלונגען פון די עדות, די פאַרהערן פון די אויספאָרשונגס-קאָמיסיעס, די דערציילונגען פון די געליטענע פון די דערלעבטע פּאָגראָמען, — און אַפילו ניט די מאַטעריאַלן פון דער יורידישער קאָמיסיע פון „יעקאָפּאָ“ און פון דער דעמאָקראַטישער יידישער קהלה אין ווילנע, פאַר און נאָך דער מאָרגענטוי-קאָמיסיע. אין אַלגעמיינע שטריכן זיינען שוין אָט די לעצטע געשעענישן באַשריבן אין פּנקס פון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ-סקי ז"ל (ווילנע, 1922).

דאָ ברענגען מיר בלויז איינציקע אָפּגעריסענע עפּיזאָדן פון אַ טייל זכרונות פון גלובאָקער רב. זיי וואַרפן אָבער אַ דורכדרינגענדיקן שיין אויף די איבערגעלעבטע פּאַסירונגען. אין זייער פּשטות און אויפריכטיקייט רעדן זיי ווי לעבעדיקע דאָקומענטן פון אַ פינסטערן עבר. מיר האָבן איבערגעלאָזן ווי ווייט מעגלעך דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און דעם סטיל פון די זכרונות, וואָס דערמאָנען אָן די אַמאָליקע קראָניקעס פון די גזירות-צייטן.

רעד.

האָט געציטערט די גאַנצע באַפעלקערונג יידן פון שטאָט. ער האָט ניט איין יידן געשמיסן און געשלאָגן. איז ער געשטאַנען מיט זיין קאַנטשיק אין האַנט און מיט אים געפאָכעט פאַר מיינע אויגן. און דער קאָמענדאַנט יאַכאָנטאָוו האָט אין דער זעלבער צייט דערלאַנגט אַ צעטל אַ געדרוקטן, אויף וועלכן ער האָט מיר באַפוילן אונטערצושרייבן, אַז דאָ אין גלובאָקע האָט ניט פאַסירט קיין זאַך מיט די תורות און אַז די אָנקלאָגע איז ניט ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפגעזאָגט מיט דעם מאָטיוו, אַז איך קען ניט אונטערשרייבן אויף ניט, אין דער צייט, ווען ס'האָט יאָ פאַסירט דער פאַל. האָט מיר דער בייזער ראָמאַנענקאָ גענומען אויף זיין פאַרהער... שרעקן און נויטן אונטערצושרייבן. נאָר איך האָב זיך אָנטזאָגט, און נאָך לאַנגע ויכוחים און שווערע אונטערהאַנדלונגען האָט יאַכאָנטאָוו איינגעזען, אַז ער קען מיט מיר גאָרניט מאַכן, האָט ער מיר געהייסן קומען אין צוויי טעג אַרום, נאָר דערווייל זאָל איך אים צושיקן די אַלע גבאים פון די בתי-מדרשים און ער וועט זיי אויספאָרשן וויפיל ספרי-תורות זיינען פאַראַן, און צי ס'האָט טאַקע פאַסירט דער פאַל.

אַרויסגייענדיק פון קאָמענדאַנט, כדי צו רופן די גבאים, האָב איך דערזען, ווי ס'לויפן שטאַרק און גיך אַ פאָר פערד און פיינלייב אַ דערשראָקענער זיצט אין שליטן. ווי ער האָט מיר דערזען, איז ער אַראָפגעשפרונגען פון זיין שליטל און האָט מיר ציטערנדיק אַ פרעג געטאָן: „איר גייט שוין אודאי פון קאָמענדאַנט? וועגן די ספרי-תורות? ווי האָט איר געזאָגט? באַראָן גינזבורג האָט פאַרביטן די נעמען פון די שטעט!" איך האָב אים אויפגעקלערט מיין ענטפער. דריקנדיק מיר די האַנט, איז ער אַ באַרויִקטער אַוועקגעפאָרן אין קאָמיטעט. און איך האָב פאָרגעזעצט מיין אַרבעט צונויפצורופן צו דער באַשטימטער צייט די גבאים פון די שולן און אָנגעזאָגט זיי, אַז זיי זאָלן ענטפערן, אַז פון אַלץ קען נאָר וויסן דער רב. איך בין ניט זיכער געווען מיט זייער האַלטונג און מורא האָבנדיק, אַז ס'וועט שאַטן דער זאַך, האָב איך אַלץ גענומען אויף זיך. קומענדיק אין קאַנצעלאַריע, האָב איך דערזען, אַז ס'פעלן שוין איניקע גבאים. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר ראָמאַנענקעס פנים מיט זיין רוט. און וואַרטנדיק נאָך אַ ביסל, זיינען זיך צעלאָפן אויך די איבעריקע. און איך בין פאַרבליבן נאָר מיט צוויי גבאים, וועלכע איך האָב שוין איינגעהאַלטן — אפרים דריזענשטאָק און פנחס שפייער. דער לעצטער איז גלייכצייטיק געווען גבאי פון דער זעלבער גרויסער שול. ווען דער קאָמענדאַנט האָט זיי אַריינגערופן, האָבן זיי אויף אַלע זיינע פראַגן געענטפערט, אַז נאָר דער רב ווייס וויפיל ס'פעלט און וויפיל ס'דאַרף זיין. דער קאָמענדאַנט האָט אונז באַפרייט מיט דעם באַדינג, אַז מיר זאָלן ווידער קומען צו אים אין צוויי טעג אַרום. אין דער באַשטימטער צייט, ווען איך האָב זיך געמאָלדן צו אים, האָט ער נאָכאַמאָל געפאָדערט אונטערצושרייבן דעם צעטל, אַז קיין זאַך האָט אין גלובאָקע ניט פאַסירט. האָב איך אים נאָכאַמאָל באַגרינדעט מיין אָפזאָג און דערביי צוגעשטעלט נאָך פאַקטן. איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז דאָ אין אַ הויז געפינען זיך זעלנער, וועלכע האַנדלען ביי זיך יריעות, וויקלען זיי זיך מיט די פיס און מאַכן פון זיי סיגאַרן-שפיצן און פאַרשיידענע רימענדלעך. דערלאַנגט ער אויף מיר אַ געשריי: „געדענקט זשע, ראַבין! אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אייערע באַווייזן זיינען ניט קיין ריכטיקע, דאַן וועט זיין מיט אייך ניט גוט!" און האָט גלייך גענומען זעלנער און באַפוילן צוזאַמען מיט דעם „גוטן" ראָמאַנענקאָ צו מאַכן אַן אונטערזוכונג אין דעם אָנגעוויזענעם הויז ביי די זעלנער. צו מיין גרויסן גליק האָט מען די זעלנער געטראָפן אַזוי, ווי איך האָב דערציילט. דאָס האָט אַפילו שוין אויך ניט געשמעקט דעם בייזן ראָמאַנענקאָ. און גלייך מיט זיי בין איך אַוועק צוריק צום קאָמענדאַנט און איך האָב באַוויזן מיין ריכטיקייט. און, וואַרשיינלעך, אַז דאָס אַלץ האָט אים געצוואונגען מער ניט צו פאָדערן ביי מיר, אַז איך זאָל אונטערשרייבן זיין צעטל. פון דאַן אָן האָט ער באַקומען צו מיר צוטרוי, וואָס האָט אגב געהאָלפן דער שטעטל. ער האָט אָנערקענט מיין האַלטן זיך און ניט שרעקן זיך און פלעגט ערפילן מיינע בקשות, וואָס האָט געבראַכט פיל נוצן. אין דער גאַנצער צייט פון זיין רעגירן אין אונזער שטאָט האָט מען שבת ניט געהאַלטן אָפן די קראָמען, וואָס ביז דאַן האָט מען געצוואונגען צו האַלטן אָפן און יידן האָט מען ניט גענומען צו גראָבן די אָקאָפעס. און אין אַלע איבעריקע הינזיכטן האָט מען אויך אויסגעפירט, וואָס ס'האָט אַ ביסל צייט געלאָזט אָפרוען אונזער שטאָט אין איר פאַרפייניקטער אָנגעשראָקענער לאַגע.

און די פאַראָרדענונגען פון שטאַב וועגן דעם ענין זיינען אונז עד-היום ניט באַוואוסט. איך מיין, אַז זיי ליגן מסתמא נאָך אין די רוסישע אַרכיוון...

.2

אין יאָר 1915 בין ר״ה ליוהכ״פ בין איך געפאָרן קויפן אתרוגים אין מינסק אום נאָכן קויפן גלייך צו פאָרן אַהיים. נאָר קומענדיק אויפן וואָקזאַל 12 אַזייגער ביינאַכט, האָב איך פלוצלונג געטראָפן די ידיעה, אַז די ליניע מאָלאָדעטשנע — מינסק איז איבערגעריסן געוואָרן. אַ טרויער איז איבערגעגאַנגען צווישן די, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל. די ידיעה האָט דעם געפאַקטן וואָקזאַל מענטשן געבראַכט צו היסטערישע געוויינען. פיל פון פובליקום, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַוועקגיין, זיינען מיט שווערדן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון וואָקזאַל. אַ צעבראָכענער בין איך אַוועק אין דער נאַכט אַריין.

צומאָרגנס, גייענדיק איבער די מינסקער גאַסן האָב איך אומדערוואַרט דערזען גלובאָקער פורן, וועלכע פאָרן אַהיים. פריילעכער בין איך געוואָרן פון דעם פלאַן צו פאָרן אַהיים מיט פורן, מיט גלובאָקער צוזאַמען. דער וועג איז געווען, ווי מען האָט געקענט פאָראויסזען, ניט קיין גרינגער, ווייל מען האָט געהאַט דורכצופאָרן 23 מייל צווישן מינסק—גלובאָקע, און די סכנה איז געווען גרויס. נאָר דער ווילן צו פאָרן אַהיים איז געווען נאָך גרעסער. און די גרעסטע מניעה פון סכנה האָט אונז ניט אָפגעהאַלטן. אַרויספאָרנדיק פאַרנאַכט פון מינסק, און צוקומענדיק צו די וועגן, וואָס גייען זיך פונאַנדער — אַ וועג צו גלובאָקע און אַ וועג צו מאָלאָדעטשנער טראַקט, — פרעג איך אַזוי ביי די פורמאַנעס, צי זיי איז גוט באַקאַנט דער וועג? און צי מיר פאָרן גוט? זיינען זיי אויפגערעגט געוואָרן אויף מיין פראַגע און געענטפערט מיט כעס, אַז זיי וואָלטן ניט קענען דעם וועג וואָלטן זיי ניט געפאָרן. בין איך פאַרבליבן רויִק.

דער וועג איז געווען זייער אַ שלעכטער, פול מיט זאַמד, די פערד זיינען געגאַנגען טראָט ביי טראָט, און אַזוי פאַמעלעך און שווערלעך זיינען מיר אָפגעפאָרן 8—9 ווערסט. פלוצלונג זיינען מיר געוואָרן באַלויכטן עפעס פון אַ שיין, וואָס מיר האָבן אַליין ניט געוואוסט וואָס דאָס איז, נאָר מיר זיינען געקומען צום געדאַנק, אַז דאָס מוז זיין אַ פראָזשעקטאָר. דערשראָקענע פון דעם צופאַל, האָבן מיר דערוואַרט דעם קבלת פנים. צייט 10 מינוט איז אָנגעלאָפן אַן אויטאָ, וואו ס'איז געזעסן אַ גענעראַל מיט זיין אַדיוטאַנט. אָפשטעלנדיק דעם אויטאָ, האָט דער אַדיוטאַנט אַ געשריי

געגעבן צו אונז: „שטייט״! מיר האָבן געפאָלגט און זיך אָפּגעשטעלט. „וואוהין פאָרט איר?״ (מיר האָבן זיי אויסגעקליבן אַלס פאָרשטייער), האָב איך געענטפערט קיין גלובאָקע. דערהערנדיק מיין ענטפער, האָט ער נאָך בייזער אַ געשריי געגעבן: „שפּיאָנען! צו פאָרן קיין גלובאָקע דאַרף מען פאָרן דורך דאָלהינאָוו — און איר פאָרט קיין מאָלאָדעטשנע. שפּיאָנאַזש! „איר פאָרט איבערגעבן די דייטשן אַלץ״, און אַרויסכאַפּנדיק דעם רעוואָלווער, האָט ער זיך געצילט גלייך אין מיר צו שיסן. „מיר קענען אייך אויסגעצייכנט! שרייט ער נאָך העכער, — „צוליב אייך פאַרשפּילן מיר אויף די פראָנטן״ — די מלחמה ווערט צוליב אייך פאַרשפּילט!״.

אונזער טראַנספּאָרט, וועלכער איז באַשטאַנען פון אָנגעזעענע בעלי־בתּים און פון די פורמאַנעס, באַקומענדיק אַזעלכע אָנצוהערענישן פון אַ גיכן אומדערוואַרטעטן טויט, האָט זיך אויף אַ קול פונאַנדערגעוויינט ווי אין מיטן אַ מדבר. דאָס האָט גערירט דעם גענעראַל, וועלכער איז האַסטיק צוגעלאָפן צו דעם היציקן גרויזאַמען אַדיוטאַנט, האָט באַפוילן אָפּצוהאַלטן זיין אורטייל און האָט זיך גלייך געווענדעט צו מיר: „ראַבין! אייער פאָרן אויף דעם ניט ריכטיקן וועג באַווייזט בולט, אַז איר זייט שפּיאָנען״ און דער חשד איז מיט אַ גרונט. זיי האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג ביי אונז אין די וועגענער און האָבן געפונען די אתרוגים־קעסטלעך און לולבים. ווען איך האָב זיי געגעבן צו דערקלערן די באַדייטונג פון די זאַכן, האָבן זיי ווייניק פאַרשטאַנען, און דער אַדיוטאַנט האָט ווידער זיך גענומען צו זיינע כּלי־זיין און האָט ווידער אָנגעהויבן שרייען: „ה׳ גענעראַל, איר זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז זיי זיינען שפּיאָנען? פעלט אייך דען נאָך באַווייזן? זיי פאָרן קיין מאָלאָדעטשנע און פירן באָמבעס אין די קעסטלעך!״ און שיסט גלייך אויס, — נאָר צום גליק איז די קויל פאַרבייגעלאָפן און האָט אונז ניט געטראָפן.

אונזער געוויין האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט (עס איז ניט צו באַשרייבן דעם איינדרוק און דעם אויסזען, ווען עלטערע און ייִנגערע מענער וויינען) און דאָס האָט אויף דעם גענעראַל וואָרשיינלעך געמאַכט אַן איינדרוק. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר נאָכאַמאָל און געפרעגט, פאַרוואָס פאָרן מיר מיט דעם וועג. האָב איך געענטפערט, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט און האָב געבעטן דעם גענעראַל, אַז ער זאָל אַליין אויספרעגן די פורמאַנעס, וועלכע דערפאַר ס׳רינגלען אַרום גלובאָקע און וועלכע מאָלאָדעטשנע. פאַרשטייט זיך, אַז די פורמאַנעס האָבן קלאָר און דייטלעך אויפגעוויזן גלובאָקער אומגעגנט, און וועגן מאָלאָדעטשנער געגנט האָבן זיי קיין אָנונג ניט געהאַט — און ווען ער האָט געזען, אַז מיר האָבן אויפגעוויזן אַלץ ריכטיק נאָך דער קאַרטע, וואו ער האָט נאָכגעקוקט, האָט ער געזאָגט צו זיין אַדיוטאַנט: „זייערע פנימער — און זייער האַרציקער געוויין ווייזט ניט אויס קיין שום פאַרדאַכט צו רעכענען זיי פאַר שפּיאָנען. דעריבער האַלט איך זיי פאַר אומשולדיק״.

נאָר נאָך אַ קליינער באַראַטונג האָט דער גענעראַל באַפוילן אונז פאָרן צוריק אין מינסק, און איבערגעבן אונז צום געריכט, זאָל דער געריכט אויסקלערן אונזער שולד אין שפּיאָנאַזש. ס׳איז אונז געוואָרן אומהיימלעך, ווער ווייס, ווי וועט אונז דער מיליטערישער געריכט אָנערקענען!... נאָר ניט צו מאַכן, מיר פאָרן... דער אויטאָ האַלט אונז אויף דער וואַך און טריט ביי טריט פאָרט ער מיט אונז צוזאַמען, כּדי מיר זאָלן ניט אַנטלויפן. אָפּפאָרנדיק אַזוי, גיט זיך אַ ווענדע צו אונז נאָכאַמאָל דער גענעראַל: „ראַבין! איך באַפריי אייך! נאָר זייט וויסן, אַז איר זייט אין אַ סכּנה. פאָרט צוריק קיין מינסק, אויב איר פאָרט ווייטער — וועט געוויס אייך ניט אויסמיידן דער פאַרדאַכט אין שפּיאָנאַזש־טעטיקייט. דער וועג איז פול מיט קאָזאַקן, וואָס וועלן אייך באַפאַלן, און צווייטנס, וועלן די דייטשן אייך אויך ניט שאָנעווען״... באַדאַנקענדיק דעם גענעראַל פאַר זיין טובה און עצה, האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק קיין מינסק.

נאָר צומאָרגנס האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין אונזער וועג אַריין, צו גלובאָקע. אָפּפאָרנדיק 6 מייל פון מינסק, האָבן מיר געטראָפן די אַנטלויפנדע מיליטער און קאָזאַקן פון פראָנט. ס׳איז ניט פאָרצושטעלן דעם פּחד און שרעק, וואָס איז אונז באַפאַלן. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן צוריק קיין מינסק — דינגענדיק אַ פור פאַר 10 רובל (די פורמאַנעס זיינען פאַרבליבן איינגעשפּאַרט און זיינען געפאָרן דורך די קוילן און קלעפּ אַהיים...) בין איך זיך געפאָרן קיין מינסק. וועגן עסן האָט מען קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן. און דאָ האָט זיך דערמאָנט, אַז מ׳איז גוט אויסגעהונגערט. די פור, וואָס האָט מיר געבראַכט כּמעט צו כּל־נדרי צו דער ערשטער הויז פון מינסק, איז אַליין אָפּגעפאָרן, איילנדיק זיך ניט צו פאַרשפּעטיקן אין איר דאָרף. ס׳האָט געדיכט גערעגנט. אויסגעהונגערט, דורכגענעצט, געפּייניקט פון די זלזולים פון די קאָזאַקן, בין איך פאַרבליבן אַליין שטיין אויפן אָנהויב גאַס פון מינסקער פאָרשטאָט. ניט קענענדיק טראָגן מיט זיך אַלע פּעקלעך — און ניט וויסנדיק, וועלכע מענטשן ס׳רינגלען אַרום די הייזער, איז מיין לאַגע געווען ניט מקנא צו זיין.

פּלוצלונג איז אָנגעפאָרן אַ ייִדישער פורמאַן, וועלכער האָט זיך געאיילט שוין מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אַהיים צו פאַרפאַסטן זיך. און לויט מיין בקשה און צוזאָג אים צו באַצאָלן 5 רובל, האָט ער מיר דערפירט צו אַן אַכסניה. ס׳איז שוין געווען נאָך ליכט־בענטשן, עסן האָט מען שוין ניט געטאָרט. און ניט קוקנדיק, וואָס איך האָב שוין כּמעט ווי צוויי טעג געהאַט ניט געגעסן, האָב איך, פאַרטרינקענדיק אַ גלאָז טיי, מיט דעם זיך פאַרפאַסט און אַוועק אין שול. אין דער פול געפּאַקטער שול, ביי די פיל אָנווייטאָגטע הערצער, ביי די אַלע היימלאָזע און אַרויסגעשיקטע און אַלערליי מלחמה־קרבנות געבראַכטע אין מינסק, וואָס האָבן איצט פאַרפולט די שול, האָט דעם חזנס כּל נדרי־ניגון געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. און נאָך מער, ווען דער שמש איז אַרויף אויף די בימה און האָט אויסגערופן אַ כּרוז בידיעת הרבנים, אַז מ׳זאָל גיין ברענגען עסנוואַרג און טראָגן אויסן וואָקזאַל צו געבן עסן די אָנגעלאָפענע און געבראַכטע צוגן, וואָס פלעגן אָנקומען מינוטנווייז פון סמאָרגאָן, אָשמענע, מאָלאָדעטשנע, וואָלאָזשין א. אַז. וו. איז געוואָרן אַזאַ יאָמערלעכער געוויין, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אין די שול־ווענט זיינען דורכגעגאַנגען די ימים טרערן פון די פיל טויזנטער הערצער, וואָס האָבן געעפנט זייער קוואַל.

אייביק וועט דאָס בילד פאַר מיר לעבן.

3.

אין דעמזעלבן יום־כּפּור פון יאָר 1915, ווען איך האָב געמוזט פאַרבלייבן אין מינסק זיינען אָנגעלאָפן קאָזאַקן אַרויסצוטרייבן די דייטשן, וועלכע האָבן פאַרנומען גלובאָקע. אין שטעטל איז דאַן געווען מיין פאָטער, דער אַלטער רב, וועלכער האָט מיר פאַרביטן. די בתּי־מדרשים זיינען געווען פול מיט הונדערטער מענטשן און מיט אַ סך היימלאָזע, וואָס זיינען געווען געצוואונגען זיך אָפּצושטעלן אינמיטן וועג צוליב די שנעלע אָקופּירונגען. שטייענדיק אַזוי אַלע אין שול און דאַוונענדיק אין קיטלען און מיט צעבראָכענע הערצער, זיינען זיי געוואָרן אויפגעטרייסלט פון אַן אָנפאַל: אין שול איז פּלוצלונג אַריינגעפאָרן אַ קאָזאַק אויף אַ פערד און האָט

אויפגעפאָדערט די יידן אַרויסצוגעבן די דייטשן און שפּיאָנען. נאָך גרויסע שרעק און גרויסע מי האָט זיך איינגעגעבן צו באַפרייען זיך מיט אויסלייז־געלט. נאָר ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און ס'האָט זיך באַוויזן נאָך אַ גרעסערע אָפּטיילונג קאָזאַקן און זיי האָבן גענומען קאָנטראָלירן... די קאָמאַנדירן, בופעטן, צי געפינען זיך ניט אין זיי דייטשן... דערביי האָבן ניט אויסגעפעלט קיין אַקטן פון גוואַלטאַטן, מיסברויכן און רויבעריי. די באַפעלקערונג איז געוואָרן געפּייניקט און איז געבליבן הילפלאָז און מאַכטלאָז קעגן דעם שווערד און קאָזאַקן ווילדן כח און חיהשן אינסטינקט.

דער טאָג איז געווען טונקל ווי די נאַכט. די מענער האָבן גענומען זוכן אַ מיטל צו פאַרהיטן דעם כבוד און ערע פון די פרויען און טעכטער און זיך גענזאַמלט אין באַהאַלטענע ערטער גרופּנווייז, גלויבנדיק, אַז צוזאַמען וועט זיך זיי אפשר איינגעבן צו פאַרהאַלטן די אָנפאַלער. נאָר ליידער האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. די שוואַרצע נאַכט וועט אייביק ניט פאַרגעסן ווערן אין דער בלאַט געשיכטע פון אונזער שטעטל. די געשרייען פון די קרבנות זיינען נאָך געווען הילכיק, אַז עס הערט זיך נאָך איצט זייער קללה. אין אַן אָרט, וואו דאָרטן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אויך פיל פרויען, האָבן זיך די בלוטדורשטיקע קאָזאַקן געוואָלט באַנוצן מיט זייערע שווערדן. די מערדער האָבן איינגעפונען אַ שפּאָגל נייעם מיטל. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אויף אַ בוידים און אָנגעצונדן פּאַפּיר מיט שטרוי, וואָס איז געלעגן אויפן בוידים און געמאַכט אַ שרפה. דערמיט האָבן זיי געוואָלט געווינען די מעגלעכקייט, ערשטנס, אויסצוטראַכטן אַ בלבול, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך יידן צו געבן אַ צייכן די דייטשן, און, צווייטנס, אויסצוניצן דערביי די הילפלאָזיקייט פון די מענער און פרויען, וועלכע האָבן געהאַט נאָר איין טיר צו אַנטלויפן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק מיט היסטערישע יאָמערלעכע געוויינען. פיל האָבן פאַרגעסן די ערשטע כוונה פון די קאָזאַקן און האָבן פון שרעק געגעבן סיגנאַלן וועגן דער שרפה. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, די קאָזאַקן געגעבן שטאָף צו באַשטעטיקן זייער בלבול און צו דערהייזן, אַז די יידן זיינען שפּיאָנען און דאָס האָבן זיי עס געגעבן דעם שונא די סמנים, וואו די רוסן געפינען זיך. זיי האָבן ניט געשאָנעוועט קיינעם... פון די פענסטער איז מען געשפּרונגען. פון בוידימער פון די שכנישע הייזער, וואו ס'זיינען געווען פאַרבאַהאַלטן פרויען, זיינען זיי געשפּרונגען אָן לייטערס. נאָך פיל זיינען די קאָזאַקן נאָכגעלאָפן. פיל זיינען געלאָפן אין טייך אַריין, אין וואַסער ביזן האַלז... אַזוי האָבן זיך געטרונקען מיידלעך און מוטערס מיט קינדער אויף די הענט, שווימענדיק אין טייך...

ווער ווייס מיט וויפיל נאָך קרבנות וואָלט די זאַך אַראָפּ, ווען ניט דער נס, וואָס אין רעם מאָמענט, ווען זיי האָבן גענומען שיסן אויף די מענטשן אין טייך און אין די דערבייאיקע הייזער, וואו ס'זיינען נאָך איצט פאַראַן לעכער אין די דורכגעשאָסענע פּאָלסנס, זיינען אָנגעלאָפן צוויי אַנדערע קאָזאַקן מיט פּיקעס, מיט אַ יידן, וואָס האָט געהאַט אַ באַפעל פון אָפיציר אין צוויי שעה צייט צוצושטעלן אַ גוזמאַדיקע צאָל פורן ברויט. פאַר ניט אויספירן דעם באַפעל וועט ער געהאַנגען, און ס'איז שוין געווען אָנגעגרייט דער סלופּ. זיי זיינען געקומען אין דעם הויף, ערשטנס, ווייל זיי האָבן דערהערט דעם סיגנאַל און, צווייטנס, איז אין דעם זעלבן הויף געווען אַ בעקעריי. ווי ס'ווייזט אויס האָבן די קאָזאַקן זיך דערשראָקן, דערזעענדיק דעם פּאַטרול, און זיינען זיך צעלאָפן. זיינען גלייך אָנגעפאָרן און אָנגעלאָפן יידן און האָבן גענומען לעשן די שרפה, וואָס וואָלט פאַרכאַפּט די גאַנצע שטאָט.

די דאָזיקע טראַגישע פאַרפאַלן האָבן געבראַכט צו פיל קרבנות און דערהויפּט צווישן די היימלאָזע, וועלכע זיינען געווען אָנגעפאָרענע און האָבן ניט געוואוסט פון די באַהאַלטענע ערטער. דער חורבן פון שטאָט האָט לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן ווערן. און אפילו שפּעטער־צו, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן גרעסערע חיילות מיט פעסטע פאַראָרדענונגען, האָט מען זיך ניט געקענט באַרואיקן און מען האָט אויסגעפּועלט, אַז פון פּעטערבורג זאָלן אַראָפּקומען קאָמיסיעס אויסצופאָרשן די גרוילן. די קאָמיסיעס זיינען אַראָפּגעקומען, האָבן אַרומגעקוקט דיזעלבע הויז, האָבן אַלץ פאַרפּראָטאָקאָלירט און צוגעזאָגט דערביי אַנטשעדיקונג... די אַנטשעדיקונג איז ניט געקומען.

נאָר איין־איינציקע אַנטשעדיקונג האָבן מיר יאָ געהאַט. דאָס איז געווען שפּעטער, ווען אין איינער פון אונזערע גאַסן, וואו ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ היפּש ביסל יידישע פאַמיליעס, האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו הייצן די אויוונס און ברענען אייזנס, און ווי נאָר ס'האָבן זיך באַוויזן די קאָזאַקן, וועלנדיק אַריינגיין מיט געוואַלט צו זיי אין די הייזער, האָבן זיי מיט די געברענטע אייזנס געשפּאָלטן די קעפּ פון די קאָזאַקן, פאַרטיידיקנדיק העלדיש זייערע פאַמיליעס און פאַרמעגנס.

דאָס איז געווען אַ שטראַלנדע טרייסט אין אונזער נקמה...

4.

אין יאָר 1919, ווען די באָלשעוויקעס זיינען אָפּגעטראָטן און דער פּוילישער חייל האָט פאַרנומען גלובאָקע און דער לעצטער געשלעג איז פאָרגעקומען אין שטאָט, איז די שטאָטישע באַפעלקערונג אין טויט־שרעק געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין די פאַרמויערטע קעלערן.

די גראַנאַטן זיינען געפלויגן איבער די דעכער און קיין שום לעבעדיקער ציווילמאַן האָט זיך ניט באַוויזן אין די גאַסן, אויסער די מיליטער לייט, וועלכע האָבן בלוטיק פאַרטיידיקט די פּאָזיציעס.

ווען איך צוזאַמען מיט מיינע נאָענטסטע שכנים זיינען אויך געזעסן אין אַ קעלער און מיט שרעק געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דער לאַגע, האָט פּלוצלונג ווער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר און ס'איז אַריין אַ סאָלדאַט און מיר אויפגעפאָדערט, איך זאָל גלייך גיין אין קאָמענדאַנטור ביים פראָנט. געצוואונגענערהייט בין איך געגאַנגען איבער די גאַסן. אָפט האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן צוליב דעם, וואָס ניט ווייט פון אונז פלעגט פאַלן אַ גראַנאַטע אָדער מיר פלעגן מוזן גיין איינגעבויגענערהייט, כדי צו פאַרהיטן זיך פון די קוילן, וואָס זשומענדיק פלעגן זיי פליען איבער מיין קאָפּ און אויערן. פאַרבייגייענדיק אייניקע גאַסן, האָב איך באַמערקט, ווי ס'גייען אַרום פאַרשוינען אין זעלנערישע קליידער און זוכן באָלשעוויקעס און דערווייל ראַבירן זיי די הייזער...

דער סאָלדאַט האָט מיר צוגעפירט צום הויז פון דעם אַלטן חסידישן, דעם געוועזענעם רב, וואו דער קאָמענדאַנט האָט שוין געוואַרט אויף מיר. ווען איך בין אַריין אין שטוב, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער אויסזען פון דעם אַלטן קראַנקן רב, וואָס איז געזעסן דערשראָקן און דער ביקס מיט דעם קאַנטשיק זיינען געלעגן לעבן אים אויפן טיש. און ווי איך בין אַריין, האָט גלייך גענומען דער קאָמענדאַנט דעם קאַנטשיק אין האַנט און האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש און מיט אַ געשריי האָט ער מיר באַפוילן, אַז אויב ביז 4 אַזייגער נאָך האַלבן טאָג (און דאָס איז געווען 10 אין דער פרי) וועט ניט ווערן דורך מיר צוגעשטעלט 40 פּוד האָבער, 10 פּוד היי, 5 פּוד ברויט, 200 פּעקלעך טאַבאַק, וועל איך דערשאָסן ווערן. ווען איך האָב פּרובירט

וועלן אים געבן צו דערקלערן, אַז אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן די שטאָט געפינט זיך איצט, איז אוממעגלעך דאָס צו דערפילן, האָט ער מיר נאָך בייזער איבערגעחזרט זיין באַפעל.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אַ צעבראָכענער און אַ דערשראָקענער און גענומען קלערן ווי קען איך אויספירן דעם באַפעל. און גענומען גיין פון הויז צו הויז, קלאַפנדיק אין די קעלערן און בעטן, אַז מען זאָל זען מיר העלפן אַרויסגיין פון מיין לאַגע, אָבער אומזיסט. ווייל אומעטום האָט מען מיר באַוויזן נאָר די צעראַבירטע הייזער און געשעפטן. אין אַרומגייענדיק אַזוי ביז 3 אַזייגער, האָב איך קוים מיט געבעט און רחמים געקראָגן צוויי מיט אַ האַלב פוד האָבער, 5 פוד היי, 5 פוד ברויט און 200 פעקלעך טאַבאַק. אין מיטנעמענדיק דאָס צום קאָמענדאַנט, האָב איך אים דערקלערט, אַז מער קען מען ניט קריגן. האָט ער אַרויסגענומען דעם זייגער און האָט אַ קוק געטאָן און האָט מיר באַוויזן, אַז צו 4 אַזייגער איז נאָך דאָ איין שטונדע און צייט 1 שעה מוז איך נאָך דאָס איבעריקע ערפילן, ווען ניט באַצאָל איך מיטן לעבן. בין איך אַרויסגעגאַנגען אַ צעטומלטער און אַ האָפענונגסלאָזער, ניט ווינסדיק פון וואַנעט ס'קען קומען די הילף אין מיין לאַגע.

פלוצלונג איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז איך האָב באַמערקט ווי ס'איז אַריינגעפאָרן אַ פאָלקאָווניק און אַז איך זאָל זיך צו אים ווענדן. ווען איך האָב זיך געמאָלדן און אַריין צו אים, האָט ער מיר זייער פריינדלעך אויפגענומען און געפרעגט מיט וואָס קען ער מיר דינען. זיין אויפנאָם האָט מיר שטאַרק געמוטיקט און איך האָב אים איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנטס באַפעל און וועגן דעם קורצן טערמין, וואָס מיר איז פאַרבליבן און אַז דאָס איז איצט אוממעגלעך אויסצופירן. איך האָב אים געבעטן אַראָפּנעמען פון מיר די לאַסט, פאַרשטעלנדיק די גאַנצע לאַגע פון דער שטאָט, ווי ס'איז אַלץ צעראַבירט געוואָרן און די גאַנצע צייט האָט מען ניט געסאָרס און ניט געקענט פאָרן אין די דערפער איינקויפן פּראָדוקטן און די שטאָט אַליין געפינט זיך אָן שפּייז-פּראָדוקטן און אָן סחורות. ווי דער פאָלקאָווניק האָט אויסגעהערט מיין דערקלערונג איז ער אַנטשטוינט געוואָרן און פאַרוואונדערט האָט ער געפרעגט, צי ס'איז מעגלעך, אַז ס'זאָל זיין אַזאַ פאַראָרדענונג פון קאָמענדאַנט? און האָט מיר איינִיקע מאָל דאָס איבערגעפרעגט און איך האָב יעדן מאָל באַשטעטיקט. דאַן האָט ער גלייך אַליין טעלעפאָניש אַרויסגעפאָדערט צו זיך דעם קאָמענדאַנט און מיר האָט ער געבעטן אויפוואַרטן. איך האָב געפילט, אַז ג' האָט מיר צוגעשיקט מיין ישועה. מאָמענטאַל איז געקומען דער קאָמענדאַנט, און ווי ער האָט מיר דערזען, האָט ער זיך אומגעביטן אין פּנים. און ווען דער פאָלקאָווניק האָט ביי אים געפרעגט וועגן דעם באַפעל צו דעם ראַבין, אַז מ'זאָל צושטעלן 40 פוד האָבער, 10 פוד היי, 5 פוד ברויט און 200 פעקלעך טאַבאַק ביז 4 אַזייגער און אויב ניט, וועט דער ראַבין דערשאָסן ווערן, איז פון אים געוואָרן אַ גל עצמות. דער פאָלקאָווניק האָט וואַרשיינלעך אויך באַמערקט זיין צעטומלטקייט און האָט שטאַרק געשריגן אויף אים און געזאָגט: „צי דען ווייסטו ניט, אַז ביי אונז זיינען ניטאָ קיין רעקוויזיציעס? מיט וואָסער רעכט ביסטו געקומען אין אַ שטאָט און פאָדערסט פון רב, אַז ער זאָל דיר אַלץ צושטעלן און נאָך פאַר דעם פּרייז פון טויט? צוליב אייך ווערט באַשמוצט אונזער פּויליש פאָלק!" און האָט אים גלייך אַראָפּגעזעצט און געמאַכט אַ צווייטן קאָמענדאַנט אויף זיין אָרט. און מיר האָט ער געהייסן גיין אַהיים און האָט געזאָגט: „זייט רואיק, ראַבין, מיר זיינען געקומען אייך באַפרייען פון דעם יאָך און ביי אונז וועט ניט זיין קיין רעקוויזיציעס".

איך קען ניט איבערגעבן מיין שמחה פון דעם פאָלקאָווניקס גוטע רייד און איך בין אַוועק אַ באַרואיקטער אַהיים. אינדערהיים, ד. ה. אין קעלער, האָב איך געפונען די באַאומרואיקטע פאַמיליע, וועלכע האָט שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויף מיר.

און ווי איך האָב נאָר פּרובירט נעמען וואָס צו עסן נאָך אַזאַ שווער-איבערלעבטן טאָג, איז ווידער געקומען אַ זעלנער מיט געווער אין האַנט. דער פאָלקאָווניק רופט מיר. בין איך ווידער דערשראָקן געוואָרן. ווער ווייס, וואָס קען ווידער זיין? נאָר ווי איך בין אַריין און דערשפּירט ווידער דעם קבלת-פּנים פון פאָלקאָווניק, האָב איך דערפילט, אַז ס'איז ניטאָ קיין סכנה. ער האָט גלייך זיך געווענדעט צו מיר און האָט געזאָגט: ה' ראַבין, איר האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אייך געפינט זיך צוויי מיט אַ האַלב פוד האָבער און די היי, און די ברויט און די טאַבאַק, — און פאַרשטעלנדיק דערביי די לאַגע פון די זעלנער און פערד און די צעקאָכטקייט פון די זעלנער, — האָט ער מיר געבעטן פאַר וואָס פאַר אַ פּרייז איך וועל אים ניט זאָגן, אָפּצולאָזן אים די פּראָדוקטן. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך גיב דאָס אַלץ אָפּ די זעלנער אַלס מתנה, אָן געלט. האָט ער מיר געדריקט די האַנט און זייער באַדאַנקט, און גלייך האָב איך אים צוגעשטעלט די אַלע פּראָדוקטן. ער האָט מיר ניט אַוועקגעלאָזן און האָט מיר גענומען אונטערן אָרעם און אַרויסגעגאַנגען און האָט אויסגעשטעלט אַלע זעלנער און האָט פאַר זיי געהאַלטן זייער אַ וואַרעמע רעדע און האָט זיי איבערגעגעבן די מתנה, וואָס איך האָב געבראַכט און האָט יעטווידערן צעטיילט טאַבאַק, ברויט, די האָבער און היי פאַר די פערד. און צופירנדיק דעם ניי-באַשטימטן קאָמענדאַנט, האָט ער מיר באַקאַנט געמאַכט מיט אים און האָט אים איבערגעגעבן, אַז אַלץ וואָס איך וועל פאָדערן און בעטן אַלס פאָרשטייער פון שטאָט זאָל גלייך ווערן ערפילט. און אַדאַנק דעם זיינען פיל אומשולדיקע מענטשן באַפרייט געוואָרן. און די שטאָט איז רואיקער געוואָרן.

5.

אין יאָר 1920 זיינען פאָרגעקומען אָפטע אַריינמאַרשירונגען און אָפּטרעטונגען פון פּוילישע און באָלשעוויסטישע חיילות אויף אונזער פראָנט. בעת איינער פון די דאָזיקע אַריינמאַרשירונגען פון פּוילישן חייל האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל. ניט ווייט פון אונזער שטעטל איז געווען דער פראָנט און דער באַוועגלעכער שפּיטאָל ביים פראָנט אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר ענגעל האָט זיך אויך געפונען אין שטעטל.

אויף דעם צווייטן טאָג פון אַריינמאַרשירן אין שטאָט האָט מען מיר געשיקט רופן פון שפּיטאָל, בכדי מקבר צו זיין אַ יידישן זעלנער, וועלכער האָט פאַר זיין שטאַרבן געבעטן דעם דאָקטאָר אים צו טאָן די לעצטע בקשה און באַערדיקן אים אויף אַ יידישן בית-עולם. איך בין, פאַרשטייט זיך, ניט קוקנדיק, וואָס די גאַס און די שטאָט איז געווען נאָך באַלאַגערט און האָט אויסגעזען ווי אויף אַ שלאַכטפעלד, גלייך אַוועק צו דעם גבאי פון דער חברא קדישא. אויף צוריקוועגס האָבן מיר דערזען, ווי סאָלדאַטן רייסן און שערן אַ יידן די באָרד. האָט זיך דער גבאי אָנגענומען פאַר דעם יידן. האָבן זיי אָפּגעלאָזן יענעם יידן און זיי האָבן זיך גענומען פאַר דעם גבאי'ס באָרד. האָב איך זיך אָנגענומען פאַר דעם גבאי. האָבן זיי זיך אַלע אַקעגן געטאָן צו מיר און אָנגעהויבן שלאָגן. ווי איך האָב דערזען, אַז ס'איז ניט גוט, האָב איך אָנגעהויבן לויפן און זיי נאָך מיר, אַ גרופּע זעלנער ביז 50 מאַן. און דער טומל איז געוואָרן אין

גאַס נאָך גרעסער. איך בין קוים דערלאָפן צו אַ הויז, וואו איך האָב זיך געוואָלט פאַרבאַהאַלטן, נאָר זיי האָבן מיר ניט אָפּגעלאָזן, און אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן מיין ראַנגלעניש מיט דער גרופּע זעלנער, וואָס האָבן פאַרפולט די גאַנצע שטוב. און ווי איך האָב זיך ניט פאַרטיידיקט און געראַנגלט זיך מיט זיי, האָבן זיי דאָך אין זייער גרויסער צאָל מיר מכבד געווען יעדערער מיט זיין חלק. אַזוי, אַז איך בין געווען שוין געטראָטן דורך זיי מיט די פיס.

צווישן זיך האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מען זאָל מיר שיסן גלייך אויף אַן אָרט. און ווען איך האָב דערזען דעם אָנגעלאָדענעם דורך זיי און געצילטן אויף מיר רעוואָלווער, האָב איך מיט מיינע לעצטע קרעפטן אָפּגערוקט דעם רעוואָלווער אַן אַ זייט אין דער ריכטונג ניט צו מיר. בלויז בדרך נס בין איך ניצול געוואָרן פון זיי, און דער צופאַל איז געווען אָט דער. נאָך דעם טומל אין גאַס, זיינען אייניקע פון מיין פאַמיליע געלאָפן זוכן הילף, האָבן זיי באַגעגנט אין גאַס אַ קאַפּיטאַן (וואָס ער איז געווען קסיאָנדז פון אַ דיוויזיע), האָבן אים דערציילט די זאַך און געבעטן קומען און זען אָפּצוראַטעווען מיר. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָבן די זעלנער, ניט וויסנדיק ווער ס׳גייט, אַ רעטער, אָדער אַ באַשולדיקער, דערשראָקן געוואָרן פאַר זיינע קאַפּיטאַנישע עפּאָלעטן און האָבן מיר גלייך אָפּגעלאָזן. דאָס איז געווען אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב אָפּגעקערט פון זיך מיט מיינע לעצטע קרעפטן דעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער. די זעלנער צווישן זיך האָבן באַשלאָסן צו זאָגן, אַז איך האָב זיי געוואָלט שטעכן מיט אַ מעסער. און ווען דער קאַפּיטאַן האָט זיי אויסגעהערט, איז ער געוואָרן אין כעס און ניט אויסהערנדיק מיר, האָט ער מיט אַ געשריי מיר געהייסן גלייך צו ווייזן אים דעם מעסער. ווען איך האָב גענומען פּראָטעסטירן און אויפווייזן, אַז איך האָב קיינע שום מעסערס ניט געהאַט און ניט געשטאָכן, האָט דער קאַפּיטאַן אַ זאָג געטאָן, אַז ער אַליין האָט געזען ווי איך האָב געשטאָכן די זעלנער מיט דעם מעסער. ווען מיינע אויפקלערונגען און באַווייזן דעם קאַפּיטאַן האָבן ניט געהאָלפן צו באַפרייען זיך פון דעם בלבול, איז מען געלאָפן זוכן הילף ווידער צו היגע באַאַמטע. קיין קאָמענדאַנט איז נאָך ניט געווען.

לויפנדיק אַזוי, האָט מען באַגעגנט, אַריינפאָרנדיק שוין אויפן מאַרק, אַן אַבאַז. און צום גליק איז דאָס געווען דער ערשטער שטאַב פון פראָנט. איז מען צוגעלאָפן צום גענעראַל און מיט געבעטס און טרערן דערציילט אַלץ און געבעטן פאַר די שוצלאָזע באַפעלקערונג הילף. ער האָט גלייך באַפוילן דעם קאָמענדאַנט פון שטאַב, ער זאָל גיין אויף דעם אָרט פון פאַל און פעסטשטעלן די זאַך. און ווען ער, איז געקומען האָט ער מיר מיט דעם קאַפּיטאַן געפונען אויסטענהנדיק זיך. די זעלנער זיינען נאָך אַלץ געווען דערביי און האָבן אויסגעדריקט זייער באַדויערונג, וואָס זיי האָבן מיר ניט דערהרגעט און צו ווייניק קרבנות געהאַט נאָך...

אויסהערנדיק מיר און אויסהערנדיק ניט נאָר די זעלנער, נאָר אויך דעם קאַפּיטאַן, האָט דער איידעלער קאָמענדאַנט פאַרשטאַנען מיין אומשולד און האָט מיר גלייך באַפרייט. נאָר דער קאַפּיטאַן האָט זיך ניט באַנוגנט און האָט בייז אַ זאָג געטאָן צום קאָמענדאַנט: „מיר אַלס קאַפּיטאַן, און פאַטריאָט גלויבסטו ניט און פאָלגסט ניט, נאָר דעם זשידאָווסקן ראַבין, וועלכער שטעכט און שלאָגט פוילישע זעלנער, גלויבסטו יאָ און באַפרייסט!“, האָט אויף דעם דער קאָמענדאַנט געענטפערט, אַז אַלס פאָרושיק איז ער אונטערטעניק דעם טיטל פון קאַפּיטאַן — און האָט דערביי אָפּגעגעבן טשעסטש, — נאָר אַלס באַשטימטער פון שטאַב, אַלס שטאָט-קאָמענדאַנט, האָט ער רעכט צו האַנדלען ווי ער פאַרשטייט און דעריבער באַטאָנט ער נאָכאַמאָל, אַז איך ווער באַפרייט. איך בין אַריין אין שטוב, אַ צעפייניקטער, געשלאָגענער, און דער זעלנער איז נאָך אַלץ ניט געווען באַערדיקט.

ס׳האָט ניט געדויערט קיין 10 מינוט, ווי צוויי זשאַנדאַרמען זיינען געקומען נאָך מיר און זיי האָבן מיר אַרעסטירט און געהאַלטן 6—7 שעה, ניט אויספרעגנדיק. דאָס א׳ז געווען דעם קאַפּיטאַנס אָנזאָג אין זשאַנדאַרמעריע.

דער אומזיסטער בלבול האָט אַרויסגעוואָרפן אַן אימה אויף די שטאָט. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען זייער באַאומרואיקט. דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט. ס׳איז קריגס-צושטאַנד. די זעלנער האָבן געדראָט אונטערצוצינדן די שטאָט און אַלץ צו פאַרניכטן. מיין הויז איז געווען פון זיי באַוואַכט און זיי האָבן געוואַרט אויף נקמה...

און דער דאָקטאָר וואַרט נאָך אַלץ אויף מיר צו מקבר צו זיין דעם זעלנער. האָט ער געשיקט נאָכאַמאָל אַ שטאָפּעט צו מיר, האָט מען אים פון מיין פאַמיליע דערציילט די גאַנצע געשיכטע. איז דער דאָקטאָר גלייך געפאָרן אין שטאַב און דערציילט אַלץ, ווי איך בין געגאַנגען לויט זיין באַפעל צו באַערדיקן אַ יידישן זעלנער, ווי איך בין באַפאַלן געוואָרן פון אַ גרופּע זעלנער און ווי איך בין מיט נסים אַרויס מיטן לעבן און ער האָט אויך דערציילט וועגן דעם גאַנצן בלבול פון קאַפּיטאַן מיט די זעלנער. האָט מען פון שטאַב טעלעפאָניש פאַראָרדנט דעם פּאָרוטשניק פון זשאַנדאַרמעריע מיר צו באַפרייען. איך האָב געבעטן דעם פּאָרוטשניק, ניט קוקנדיק וואָס איך בין אַזאַ העלד צו קענען שלאָגן אָדער שטעכן אַזוי פיל זעלנער, ער זאָל מיר געבן אַ באַגלייטער אַהיים, ווייל ס׳איז אַ מורא צו גיין איבערן גאַס. און איך האָב געבעטן ניט נאָר אַ וואַך פאַר מיין הויז, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער שטאָט, איבערגעבנדיק אים די דראָאונגען פון די זעלנער.

איך בין גלייך אַוועק אין שפּיטאָל און צוזאַמען מיט דעם גבאי און מיט אַ זעלנער האָבן מיר געפירט באַגלייטן דעם געשטאָרבענעם יידישן זעלנער און מקבר זיין אים אויפן יידישן בית-עולם...

ס׳זיינען צו אָנגעווייטאָגט געווען אונזערע אַלעמענס הערצער דאַן. און איצט אַפילו קען איך ניט אויסדריקן אונזערע פיינלעכע איבערלעבענישן, וואָס מיר האָבן געהאַט פון דער מיסיע.

אַפילו צו באַערדיקן אַ יידן איז אויך אָנגעקומען שווער...

6.

איינמאָל, ווען איך בין אין יאָר 1920 געקומען צוליב געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע ענינים קיין ווילנע, בין איך געבליבן נעכטיקן אין גאָסטהויז פון ה׳ קאָוואַרסקי אויף קאָנע גאַס, וואו די גלובאָקער פורן פלעגן איינשטיין (דעמאָלט איז מען געפאָרן פער-אַקס, מיטן צוג איז געווען פאַרבאָטן ציווילע פּערזאָנען). פּלוצלינג 10 אַזייגער אינאָוונט זיינען מיר אין גאָסטהויז באַפאַלן געוואָרן פון זשאַנדאַרמען און דעפענסיווע-לייט, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען אַ גלובאָקער קריסט, וואָס האָט געדינט ביי זיי. מען איז צוגעטראָטן צו מאַכן אַן אונטערזוכונג: 1) צי אַלע האָבן פּשעפּוסטקעס (רייזע-ערלויבענישן), וואָס אין יענער צייט האָט מען געמוזט האָבן און 2) זען וואָס מען פירט און צי ס׳איז ניטאָ קיין קאָקאַין און סאַכאַרין, וואָס איז שטרענג געווען פאַרבאָטן.

דרך אגב, זיינען ביידע מינים מסתמא געווען צווישן די פיל געסט פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס צוזאַמען האָבן זיי באַטראָפן 50 פּערזאָן. די זשאַנדאַרמען זיינען אויך אַריין אין מיין צימער, וואו איך האָב שוין געשלאָפן, זיי האָבן

מיר אויפגעוועקט און געפונען מיין פּשעפּוסטקע אין אָרדענונג. זיי זיינען אַרויס און פאַרגעלייגט דעם עולם צו געבן זיי 10.000 מאַרק אויף צו באַפרייען זיך פון דער אונטערזוכונג.

באַזונדערס האָט זיך אַרויסגעשטעלט דערביי אַלס שתדלן אַ יידישער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן זיי. ער האָט כלומרשט ניט געוואָלט דערלאָזן די אונטערזוכונג, בכדי ניט צו פאַראומגליקלעכן אַזויפיל יידישע פאַמיליעס. איז מען דורכגעקומען אויף 3000 מאַרק, וועלכע זיינען גלייך אויפן אָרט צוזאַמענגעקליבן געוואָרן פון עולם. און ערשט דאָ הויבט זיך אָן מיין טראַגעדיע, — פאַר מיין נאַאיוון צוטרוי צו אַלעמען און באַזונדערס אין יענעם מאָמענט צו דעם יידישן זשאַנדאַרם.

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך אָנטזאָגט צו נעמען דאָס געלט, נאָר פון מיר וואָלטן זיי מספּים געווען... פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט מיר אויפגעוועקט אין די האַרצרייסנדיקע סצענעס פון פרויען און יידן, וואָס האָבן זיך געבעטן רחמים צו טאָן די טובה צענדליקער פאַמיליעס און באַפרייען זיי פון אַרעסטן און שרעק, האָט מיר נאָך אַלץ ניט גובר געווען צו דעם סאַם — און די זשאַנדאַרמען האָבן זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. איז מיר באַפאַלן אַ נייער האַגל פון געשרייען און געוויינערייען און געבעטן פון צענדליקער הערצער: „רבי! האָט רחמנות אויף אונזערע קינדער! וועט אייער געוויסן פאַרבלייבן רואיק, ווען איר באַפרייט ניט מיט אייערע הענט אַזוי פיל עלטערן און קינדער?״.

און כאָטש מיין נאַטור איז עמפינדלעך צו די יידישע צרות, בין איך דאָך פאַרבליבן קאַלט צו דער מיסיע, וואָס מ'וויל אויף מיר אַרויפלייגן. איז אַריין צו מיר אין צימער דער זשאַנדאַר און אָנגעבנדיק זיך אַלס וואַרעמער ייד, וועלכער וויל ניט אומגליקלעך מאַכן אַזוי פיל יידישע משפחות, האָט ער מיר איינגערעדט, אַז ווען ער האָט שוין יאָ אויסגעפועלט אויף אויסצוקויפן מיט די געלט די פיל מענטשן, האָט ער שוין דערמיט באַוויזן זיין יידישע האַרץ.

און ווען איך האָב ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס וויל מען דווקא, אַז איך זאָל געבן דאָס געלט, האָט ער מיר תמימותדיק געענטפערט, אַז צוליב דעם, וואָס ס'איז אַ גרויסער עולם, קען ווער פון די געסט אויף מאָרגן זיי אַרויסגעבן — און ווען איך וועל זיי דערלאַנגען, וועט קיינער זיך ניט וואַגן צוליב מיר קיינעם פון זיי אַרויסצוגעבן.

און ווען איך האָב אים געשטעלט די פראַגע, צי ער שאַצט אָפּ ווי געהעריק, וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר אַלס רב, האָט ער מיר איינגערעדט מיט זיינע נאַאיווע ענטפערס: „סטייטש, צי דען וועט ער פאַרלאַנגען, אַז אַ יידישער רב זאָל אַריינגעפירט ווערן? ס'איז דאָך אַ כלל-פליחות... און אַז ער מיינט ערנסט, האָט ער געשוואוירן מיט די אַלע קללות פון דער תוכחה און מיט דער תורה און מיט אַלע שבועות, אויב ער מיינט מיר אַריינצופירן. זיין כוונה איז בלויז צו טאָן גוטס, אַלס ייד, די צענדליקער פאַמיליעס, וואָס געפינען זיך איצט אין דעם מאָמענט אין אַ גרויסער סכנה.

זיינע רייד פון איין זייט און די געשרייען פון די געסט פון דער צווייטער זייט האָבן מיר אַזוי דורכגענומען, אַז איך בין אַרויס אין עס-צימער, וואו די געלט איז געלעגן אויפן טיש און האָב אַ שאַר געטאָן דאָס געלט צו דעם צווייטן זייט טיש, וואו די זשאַנדאַרמען זיינען געשטאַנען — און אַזוי אַרום האָבן זיי צוגענומען דאָס געלט און אונז פאַרלאָזן. און אַלע געסט צופרידענע, באַדאַנקענדיק מיר, זיינען אַוועק שלאָפן.

פלוצלונג 4 אַזייגער פאַרטאָג האָבן זיך ווידער באַוויזן די זשאַנדאַרמען און דעפענסיווע-לייט און ניט מאַכנדיק ביי קיינעם קיין אונטערזוכונג בלויז ביי די גלובאָקער, האָבן זיי אונז אַלעמען צוגענומען אין אַרעסט, — מיר מיט די 10 גלובאָקער יידן. און גראָד צופעליק איז דאַן געקומען נעכטיקן אַ גלובאָקער בחור, וועלכער האָט זיך געפונען אין ווילנע אין אַ צימער און צוליב דעם וואָס מען האָט ניט געטאָרט שפּעט אַרומגיין, און אין יענע צייט וואָלט ער ניט באַוויזן צו גיין אין זיין צימער, איז ער אַריין אין דעם האָטעל נעכטיקן. אַליין איז ער געווען אונטערן חשד פון קאָמוניזם (אין דער אמתן איז ער עס ניט געווען). דאָ האָב איך געהערט, ווי זיי הייסן דעם שליסל פון דעם בחורס צימער אָוועקנעמען מיר. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב פאַרשטאַנען מיין לאַגע און פאַר קיין פאַל ניט גענומען דעם שליסל. און ברענגענדיק אונז אַלעמען אין דעפענסיווע, האָט מען אַוועקגעשטעלט פאַר אַ דאָלמאַטש דעם זעלביקן יידישן זשאַנדאַרם — ימח שמו — און ס'איז פאַרפּראָטאָקאָלירט געוואָרן ניט וואָס איך האָב געזאָגט, נאָר וואָס דער יידישער זשאַנדאַרם האָט געדאַרפט צו פאַרענדיקן זיין שטיקל מלאכה ביזן סוף...

און גלייך האָט מען אונז אַריינגעזעצט אויף לוקישקעס אין טורמע, וואו איך מיט די גליבאָקער זיינען אָפּגעזעסן 6 מיט אַ האַלב וואָכן. און בלויז אַדאַנק די פיל השתדלות פון דעם ווילנער ראַבינאַט און דער יורידישער קאָנסולטאַציע ביי דער קהלה און פון איינצלנע חשובע כלל-טוער, און אַדאַנק די פיל באַשטעטיקונגען פון פוילישע פירער, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען געזעלשאַפטלעך צו אַרבעטן, און אַדאַנק באַזונדערס דעם גוטן און איידעלן ריכטער פון פעלד-געריכט, וועלכער האָט אַזוי פיל פאַרשטענדעניש באַוויזן לטובה מיין גורל — ג' זאָל אים באַצאָלן מיט אַלדאָס גוטס — האָט מען מיר נאָך פיל פיין באַפרייט אויף אַזאַ אופן:

איינמאָל פרייטאָג פאַרנאַכט, אַ וואָך פאַר פסח, איז ער געקומען צו מיר אין תפיסה און פרעגנדיק, וועלכע שפּראַך איך באַזיץ, האָט ער מיר געבעטן בעסער אָן אַ דאָלמאַטש און ניט אַריינמישן העברעאישע ווערטער, בלויז אין יידיש זאָל איך אים דערציילן מיט וואָס איך ערקלער מיין אַרעסט. האָב איך געזאָגט, אַז ס'איז אַ פאַראויס געפּלאַנטע פּראָוואָקאַציע, בכדי צו באַצאָלן מיר פאַר מיין אָנקלאָגע, וואָס איך האָב דערלאַנגט בשעתו צום גענעראַל שעפּטיצקי קעגן דער דעפענסיווע אין גלובאָקע, וועלכע האָט אומברחמנותדיק באַהאַנדלט די יידישע אַרעסטירטע, וואָס פלעגן דורך אומזיסטע חשדים אַריינגעזעצט ווערן, ניט בלויז יונגע נאָר מיטליעריקע און זאָגאַר זקנים. ווען איך בין מיט 2 מאָנאַטן פאַר מיין אַרעסט געווען אין ווילנע און דערציילט דער ווילנער קהילה וועגן די דאָזיקע יסורים און פייניקונגען, האָט מען מיר געראָטן צו דערלאַנגען צוזאַמען מיט זיי אַ פּעטיציע צו דעם גענעראַל שעפּטיצקי, וועלכע האָט געהאַט אַ ווירקונג, און אַלס ענטפער איז די דעפענסיווע אַריבערגעפירט געוואָרן פון גלובאָקע קיין ווילנע. איצט האָבן זיי זיך, ווי ס'ווייזט אויס, געצילט קעגן מיר, אום מיר דערפאַר צו באַצאָלן. דערביי האָב איך אָנגעוויזן אויף פאָלגנדע אומשטענדן פון אַרעסט:

א) פאַרוואָס האָט מען אַרעסטירט בלויז מיר מיט די גלובאָקער און ניט אויך די איבעריקע געסט?

ב) און אויב מ'געפינט אַ שליסל פון אַ קאָמוניסט — פאַרוואָס מאַכט מען ביי אים ניט קיין אונטערזוכונג אין זיין צימער?

ג) פאַרוואָס האָט מען געוואָלט אַוועקגעבן זיין שליסל מיר?

ד) פאַרוואָס איז פאַרפּראָטאָקאָלירט געוואָרן ניט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט, נאָר דאָס, וואָס דער יידישער זשאַנדאַרם האָט געזאָגט און צי באַווייזט

ניט זיין ניט איבערגעבן די ריכטיקייט די כּונה, מיט וועלכער זיי האָבן זיך געצילט קעגן מיר?

מיינע האַרצרייסנדע דערקלערונגען און מיין ביטערער גורל, וואָס האָט מיר צוליב דעם יידישן זשאַנדאַרם אַריינגעשלעפּט אין אַזאַ זומפּ, האָבן שטאַרק דורכגענומען דעם ריכטער. און ווען איך האָב אויף זיין פראַגע: „איז דען מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל אַריינפירן זיין גייסטלעכן אין אַזאַ אָפּגרונט?״ מיט טרערן און צעבראָכנקייט באַשטעטיקט, אַז עס איז אַזוי, האָט ער מיר גלייך באַפרייט.

צוגייענדיק שוין צום טיר, קערט זיך אום צוריק דער ריכטער און פרעגט מיט אויפגערעגטקייט: „איז דען מעגלעך ה׳ ראַבינער, אַז ס׳איז אַלץ דער אמת?״ און ווען איך האָב מיט אַ שבועה פון אונזערע הייליקייטן עס באַשטעטיקט, האָט ער זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און געבעטן, אַז איך זאָל בעטן ג׳ פאַר אים. און אין מיין לעבן אַזוי ווי איך האָב ניט געקענט פאַרגעסן די שלעכטע מעשים פון דעם יידישן זשאַנדאַרם, אַזוי וועל איך תמיד דערמאָנען דעם איידעלן ריכטער. און ג׳ זאָל אים דערפאַר באַצאָלן מיט גוטס.

יוסף הלוי קאַץ

(רב מגלונסקע, ריסנער קרייז)

צעבראָכענע לוחות און אָפּגעפלויגענע ווערטער.

דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט פון ש. אַנ—סקי געפינט זיך אין אַרכיוו פון ״יעקאָפּאָ״ אין ווילנע (וואו אַנ—סקי איז אין יאָר 1919 געווען מיטגליד פון קאָמיטעט, ז. ווייסער) און איז אין דער פאָרם ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זיין ״יידישן חורבן פון פוילן, גאַליציע און בוקאָווינע״. בלויז דער אינהאַלט פון דער דערמאָנטער עפּישער דערציילונג ווערט איבערגעחזרט אין ״חורבן״ אין אין קאַפּיטל ו׳ פון פערטן טייל ווערט עס געגעבן אין אַן אַנדער נוסח (ז. געזאַמלטע שריפטן, פאַרלאַג אַנ—סקי 1922, זעקסטער באַנד, זייט 58—63).

אונטער דעם יידישן הילפס-קאָמיטעט, וואָס אַנ—סקי דערמאָנט, ווערט געמיינט דער פּעטערבורגער ״יעקאָפּאָ״. דעם מאַנוסקריפּט גיבן מיר אַ העלפט פאָטאָגראַפירט און די צווייטע העלפט — אויטענטיש אויסגעזעצט.

די סימבאָלן פון די „עברי לוחות ואותיות פורחות״ זיינען אויך גילטיק פאַר אונזער אייגענער מאָראַליטעט אין די צייטן פון מלחמות און מהומות אין אינזערע געגנטן.

רעד.



ש. אַנ-סקי

ענדע 1916 און 1917 בין איך ווידער אַרומגעפאָרן אין גאַליציע, אין יענעם דרום-מזרחדיקן קליינעם טייל, וועלכער איז נאָך פאַרבליבן ביי די רוסן נאָך דעם קליינעם ריקצוג פון 15-טן יאָר. אין דער שטעטל קאָפּעטשינעץ, וואו עס איז פאַר דער מלחמה געזעסן דער קאָפּעטשינצער רבי, האָב איך געפונען זיין הויף איינגעגאַנגען אַ חרובֿ. מען האָט מיר דערציילט, אַז דאָס גאַנצע גוטס און רייכטום, וואָס האָט זיך געפונען אין הויף, וואָס האָט אָנגעטראָגן ביי צוויי מיליאָן קראָן, איז צוראַבירט פון פאַרברענט געוואָרן. דערביי האָט מען מיר דערציילט אַ מעשה, וואָס האָט אויסגעוויזן ווי אַ לעגענדע, ווען דעם בעל-שם׳ס אייגענהענדיקע גריזן, וועלכע האָבן זיך געפונען ביים רבין, זיינען על פי נס ניצול געוואָרן און געפינען זיך ביי איינעם

פון די קאָפּעטשיניצער חסידים. מען האָט צוגעגעבן, אַז מיט די בריוו גופא איז פאָרגעקומען אַ מופת.

מיך האָבן זייער פאַראינטערעסירט די בריוו. אַ קלייניקייט: אַן אייגנהענטיקער כתב פון בעש"ט, וועלכער איז געווען אַזוי קאַרג אויף שרייבן און פון וועלכן עס איז ניט פאַרבליבן קיין שום געשריבענער וואָרט. איך האָב גענומען זוכן דעם חסיד און האָב אים געפונען אין סטאַרטקאָוו. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בריוו האָט ער אַליין געראַטעוועט מיט גרויס מסירת נפש און היט זיי איצט אָפּ ווי דעם שוואַרץ-אַפּל פון אויג. ער האָט מיר דערציילט ווי אַלץ איז פאָרגעקומען.

אַז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט דער רבי מיט דער משפחה געפונען זיך אויף אַ זומער-וווינונג בײַ ווין. דער חסיד האָט זיך אויך געפונען דאָרטן. דער דרך פון די רוסן איז געווען אַזוי האַסטיק, אַז איידער מען האָט זיך באַטראַכט וואָס צו טאָן, זײַנען זיי שוין געווען ניט ווײַט פון קאָפּעטשינעץ און וועגן פאָרן אַהיים האָט דער רבי ניט געקענט טראַכטן. דעמאָלט האָט ער צוגערופן דעם חסיד, זײַנעם אַ גרויסן נעל מקורב, און האָט אים געזאָגט:

— איך באַפעל דיר, דו זאָלסט תּו"ם פאָרן קיין קאָפּעטשיניץ ראַטעווען און ברענגען אַהער אָדער דאָרט באַהאַלטן דעם בעל-שם'ס בריוו. דיר וועט פאַרשטיין זייער אַ שווערע וועג, וועסט זײַן אין גרויס סכנה, אָבער די בריוו מוזט דו ראַטעווען.

— רבי, — האָט זיך אָנגערופן דער חסיד. וואָס וועט זײַן מיט אײַער גוטס, וואָס איר האָט דאָרט געלאָזן, ווי ראַטעווען עס?

— וועגן דעם טראַכט ניט. זאָל אַלץ גיין לאיבוד, נאָר די בריוו זאָלן גאַנץ זײַן — האָט געענטפערט דער רבי.

דער חסיד איז אָפּגעפאָרן און געקומען אין קאָפּעטשיניץ מיט עטלעכע טעג פריער איידער דער רוסישער חיל איז אַהין אַרײַן. ער האָט געפונען די בריוו, האָט זיי אַרײַנגעטאָן אין אַ בלעכענעם שאַכטל און פאַרגראָבן אין קעלער, טיף אין וואַנט און די לאָך פאַרמויערט עס זאָל ניט קענטיק זײַן. דאָרט אין קעלער האָט ער פאַרגראָבן פיל טײַערע חפצים, גאָלד און זילבער, וואָס ער האָט געראַטעוועט פון הויף. — מיט אַ טאָג שפּעטער איז ער געווען אַרעסטירט. מען האָט אים חושד געווען אין שפּיאָנאַזש און עס האָט געהאַלטן נאָענט דערבײַ מען זאָל אים הענגען. נאָר גאָט האָט אים מציל געווען. מען האָט אים ניט געהאַנגען. אַפילו אין רוסלאַנד ניט אָפּגעשיקט. און נאָך דרײַ חדשים געפענקעניש האָט מען אים באַפרײַט. קודם כל איז ער, פאַרשטייט זיך, געלאָפן אין „הויף" זען וויאַזוי עס טוט זיך מיט די הייליקע בריוו. נאָר דער הויף איז געווען פאַרנומען און עס איז געווען אוממעגליך אַרײַנגיין אַהין. ערשט מיט צוויי חדשים שפּעטער האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרײַנקלײַבן זיך אין קעלער. ער האָט דאָרטן געפונען אַלץ פאַנאַנדערגעגראָבן, פאַנאַנדערגעוואָרפן. אַלע טײַערע חפצים זײַנען געווען פאַרשוווּנדן און צוזאַמען מיט זיי איז אויך פאַרשוווּנדן דער שאַכטל מיט די בריוו. מען קען זיך פאָרשטעלן זײַן פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך אויף מאָרגן אומגעקערט אין קעלער, ווייטער געזוכט און מיט אַ מאָל געפונען נאָר אין אַן אַנדער אָרט אין וואַנט דעם שאַכטל, ווי עס איז געווען, ניט אָנגערירט. ער איז געאײַלט צוריק אַהיים מיט דער טײַערער מציאה, האָט געעפנט דעם שאַכטל און געפונען דאָרט ביידע בריוו. אָבער ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן, אַז ער האָט דערזען, אַז פון איינעם פון זיי, וועלכער איז געווען געשריבן מיטן בעל-שם'ס האַנט (דער צווייטער איז נאָר געווען אונטערגעשריבן פון דעם בעל-שם), זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע ווערטער און עס איז געבליבן אַ גלאַטע ווײַסע פּאַפּיר...

פיל מי האָט מיך געקאָסט ביז איך האָב זיך אײַנגעבעטן בײַם חסיד ער זאָל מיר ווײַזן די בריוו. לסוף האָט ער אײַנגעווילט, האָט זיי געבראַכט אײַנגעוויקלטע אין עטלעכע פּאַפּירן און ניט אָנרירנדיק זיי מיטן האַנט, ווי אַ דבר שבקדושה, באַוויזן מיר.

איין בריוו, געשריבן צו ר' גרשון קיטעווער, איז אונטערגעשריבן אין רעכטן עק מיט איין וואָרט: „ישראל". לאַנגע, שפּיציקע, פאַנאַנדערגעוואָרפענע אותיות, זייער בלאַסע פון דער צײַט. מען דאַרף אָנשטרענגען צו זען זיי. דער צווייטער, אַ צוזאַמענגעלייגטע בלעטל אַלטע דיקע פּאַפּיר. אָן איין שום אות, נאָר דאָך איז עס ניט קיין ווײַסע אומגעשריבענע פּאַפּיר. צו באַמערקן איז בלאַסע פאַנאַנדערגעפּליאַטשטע פלעקן.

דער חסיד האָט מיט אַ מיסטישן בליק לאַנג געקוקט אויף דעם פּאַפּיר.

— לייט זאָגן, — האָט ער זיך שטיל אָנגערופן, — אַז פון נאַכקיים זײַנען די אותיות פאַרשוווּנדן און מיט כעמישע מיטלען קען מען זיי צוריקברענגען. אָבער מיר, חסידים, מיר פאַרשטייען עס אַנדערש, גאָר אַנדערש.

זיי פאַרשטייען, אַז די הייליקע שריפטן זײַנען אין דער צײַט, בעת דער בריוו האָט געהאַלטן בײַ פאַרײַנפאַלן אין גוייִשע הענט, אַנטלאָפן.

ווי סימבאָליש דאָס אַלץ איז געווען אין דעם אומגליקלעכן קאַנט, וואו דער לעבן איז געווען צעבראָכן און פון אים איז אַנטלאָפן דער לעבעדיקער שעפערישער גײַסט.

באמת, שברי לוחות ואותיות פורחות

ש. אַנ-סקי



צעבראָכענע לוחות (אין די ביידע געבאָטן פעלט דאָס וואָרט „לא")

מוזיי פון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ-סקי ז"ל.

ש. אַנ-סקי אַלס מיטגליד פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע.

אַנ-סקי איז געקומען קיין ווילנע פון רוסלאַנד אין סעפּטעמבער 1918 און אויסרועענדיק זיך אַ ביסל, האָט ער זיך גלייך אַריינגעוואָרפן מיט גרויס התמדה און איבערגעבנקייט אין דער אָרטיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אין נאָוועמבער—דעצעמבער 1918, די לעצטע חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין ווילנע, האָבן מיר צוזאַמען געאַרבעט ביים אָרגאַניזירן די וואַלן צו דער ערשטער יידישער דעמאָקראַטישער קהילה אין ווילנע (ז. „לעבן״, אַנ-סקי העפט) און פון מיטן פעברואַר 1919 — אין געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע, וועלכער האָט זיך דאַן געגרינדעט און איז גלייך געוואָרן די וויכטיקסטע צענטראַלע הילפס- און אויפבוי-אָרגאַניזאַציע פאַר דער גאַנצער ווילנער געגנט.

אַנ-סקי האָט זיך באַטייליקט אין דער ערשטער אָרגאַניזיר-זיצונג פון ווילנער „יעקאָפּאָ״ דעם 16 פעברואַר 1919, אויף וועלכער ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פון געגנט-קאָמיטעט. פאַר די צייט פון ערשטן האַלב-יאָר (פון דער גרינדונג פון קאָמיטעט ביז דער ערשטער קאָנפערענץ), אין די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע טעג, האָט ער גענומען אַ נאָענטן און אַקטיוון אָנטייל אין די אַרבעטן פון קאָמיטעט אַלס זיינער אַ מיטגליד און אַ פּאָר מאָל אויך, אויף די זיצונגען, אַלס וויצע-פּאָרזיצער.

אין פּראָטאָקאָל-בוך פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע ווערט אַנ-סקי'ס נאָמען דערמאָנט 11 מאָל (אויף די זייטן 3, 4, 5, 9, 22, 23, 24, 26, 42, 95). אין ערשטן געדרוקטן באַריכט פון „יעקאָפּאָ״ (פון 15 פעברואַר ביז 1 סעפּטעמבער 1919) איז אַנ-סקי אָנגעגעבן אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט און אין געדרוקטן באַריכט פון דער ערשטער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאַרגעקומען דעם 8—9—10 סעפּטעמבער 1919 — אַלס קאַנדידאַט אין ניי אויסגעוויילטן געגנט-קאָמיטעט.

קומענדיק קיין ווילנע, האָט שוין אַנ-סקי געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק אין אויספאָרשן די לאַגע אויף די ערטער און אין אָרגאַניזירן און פונאַנדערטיילן הילף פאַר דער נויטבאַדערפטיקער און געליטענער פון דער מלחמה באַפעלקערונג. אין די יאָרן 1914—1917 איז ער אַרומגעפאָרן איבערן פראָנט און אין די אָקופּירטע געגנטן אַלס באַפולמעכטיקטער פון פאַרבאַנד פון די זעמסטוועס, פון אַלרוסלענדישן פאַרבאַנד פון די שטעט, קאָמיטעט פון גאָסודאַרסטווענער דומע און סאַניטאַרע אָפּטיילונגען פון רויטן-קרייץ און אַנדערע, וועלכע האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט אין מיליטער-קליידער צוצוקומען צו די געפערלעכסטע ערטער, וואו ער האָט געאַרבעט מיט גרויס מסירת-נפש. גלייכצייטיק איז ער געווען דער באַפולמעכטיקטער פון דער גרעסטער הילפס-אָרגאַניזאַציע, וואָס יידן האָבן ווען עס איז ביז דאַן געשאַפן (דער דזשוינט איז געקומען שפּעטער): פון דער פּעטערבורגער און קיעווער (בכלל רוסישער) „יעקאָפּאָ״, אין וועמענס נאָמען ער האָט געטיילט הילף דער יידישער באַפעלקערונג אין די מלחמה-געביטן און וואָס ער האָט גענוי באַשריבן אין זיין גרויסער כראָניק „דער יידישער חורבן פון פּוילן, גאַליציע און בוקאָווינע״.

אַנ—סקי אין יאָר 1913

אין ווילנער „יעקאָפּאָ״ האָט אַנ-סקי אויף אַזאַ אופן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס נאַטירלעכער מיטגליד. שטאַרק אויסגעמאַטערט, מיד און צובראָכן פלעגט ער דאָך קומען אויף די זיצונגען און אַריינטראָגן אין זיי זיין טיף-מענטשלעכן גייסט און ברייטע, גוטע האַרץ. באַזונדערס האַרציק איז געווען זיין באַציאונג צו די היימלאָזע, וועלכע דער קאָמיטעט האָט דאַן געהאַט צו באַזאָרגן אין אַ גרויסער צאָל.

זיין פּיעטעט צו זייערע ליידן איז געווען אויף אַזוי פיל גרויס, אַז ניט קוקנדיק אויף זיין באַוואוסטע ליידנשאַפט צו זאַמלען פאָלקלאָר-מאַטעריאַלן, האָט ער בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל גיין צו די היימלאָזע אויף אויספרעגן זיי וועגן פאַרשיידענע ווערטלעך, לידער, מעשיות וכדומה, טאָמער וועלן זיי אויסטייטשן, אַז מען מישט צונויף זייערע צרות מיט עפּעס זייטיקע פאַר זיי זאַכן. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אומטאַקטיש, פאַר ווייניק עמפּינדלעך צו פרעמדע ליידן, ער האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל באַאומרואיקן מענטשן, וואָס זיינען געפּייניקט און וואָס טוט זיי וויי.

ער האָט אויך שטאַרק פאַרטיידיקט אין הינזיכט פון הילף דאָס קליינע פאַרוואָרלאָזטע שטעטל קעגן דער גרויסער שטאָט און האָט שטרענג אָפּגעהיט, אַז די דעמאָקראַטישע פאָרשטייערשאַפטן זאָלן האָבן די רעכט, וואָס קומט זיי נאָר דאַן, ווען זיי זיינען גאַנצע און פאַרטרעטן אַלע גרופּירונגען און שיכטן און ניט נאָר אַ טייל פון זיי.

ביידע פאַקטן האָבן געהאַט אַן אָרט אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אַנ-סקי האָט רעאַגירט אויף זיי, ווי ער האָט געקענט.

אויף די זיצונגען פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע דעם 11, 12 און 15 מאַי 1919 האָט זיך געהאַנדלט וועגן פונאַנדערטיילן אַ גרעסערע סומע הילפס-געלטער פאַר ווילנע און געגנט. דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע האָט דאָ אין הינזיכט פון פונאַנדערטיילן די געלטער געהאַט די איבער-דעה. חוץ דער גאַנצער פּראָווינץ, וואָס האָט זיך געפונען דירעקט אונטער זיין פאַרזאָרגונג, האָט אויך די ווילנער קהילה (וועלכע האָט זיך דאַן גערעכנט פאַר דעם שטאָטישן קאָמיטעט) באַקומען דאָס געלט דורך אים. די אַמעריקאַנער געלטער, וועלכע האָבן געדאַרפט אויף די זיצונגען פונאַנדערגעטיילט ווערן, זיינען אָנגעקומען פון ד. ד. ק. אויפן נאָמען פון ד״ר צ. שאַבאַד, וועלכער האָט זיי קוויטירט אַלס פאָרזיצער פון „יעקאָפּאָ״ און זיינען געווען באַשטימט אויף פאַרשיידענע הילפס-צוועקן „אין ווילנע און ווילנער גובערניע״.

די קהילה, וועלכע איז באַשטאַנען פון 80 ראַטמענער, איז דאַן געווען אָנגעפירט דורך דער אַזויגערופענער קאָלעגיע פון 7 ראַטמענער און איז צוליב די פּאָליטישע געשעענישן געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און האָט ניט געהאַט קיין נאָרמאַלע אויספיר-אָרגאַנען. כמעט אַ העלפט פון די קהילה-ראַטמענער זיינען פון איר אַרויסגעטראָטן. דאָס זיינען געווען 29 סאָציאַליסטישע ראַטמענער (24 בונדיסטן, 3 פאַראייניקטע און 2 פּועלי-ציון) און פאַרבליבן זיינען נאָר

די בירגערלעכע ראַטמענער, פון וועלכע אַ טייל האָט זיך געוואָקלט און ניט גע־האַט קיין קלאָרע פּאָזיציע. ערשט דעם 25־טן מאַי 1919 האָבן זיך 27 סאָציאַ־ליסטישע ראַטמענער („בונד" און פאַר־איינִיקטע) צוריק אומגעקערט אין קהילה און זייערע פאָרטרעטער זײַנען אַרײַן אין פּרעזידיום, וועלכער איז קורץ נאָכ־דעם קאָנסטרויִרט געוואָרן אַלס נאָר־מאַלער אויספיר־אָרגאַן (צוזאַמען מיט אַ פאַרוואַלטונג) אַנשטאָט דער צײַטווייליקער קאָלעגיע.

אַנ–סקי האָט ניט ווייניק מיטגע־האָלפן, אַז די לינקע זאָלן צוריק אַרײַנ־גיין אין קהילה. ער האָט פיל מאָל גע־פירט וועגן דעם אונטערהאַנדלונגען מיט בײדע צדדים, האָט געשריבן אַרטיקלען און אַגיטירט.

בעת, אָבער, ס'זײַנען פאָרגעקומען די אָנגערופענע זיצונגען פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ", איז נאָך די קהילה געווען אַ האַלבע און אין איר האָבן גע־פעלט די סאָציאַליסטישע עלעמענטן.

אויף די דאָזיקע זיצונגען איז געפירט געוואָרן אַ העפטיקער שטרײַט וועגן אַד־רעסאַט פון דאָס געלט, וועמען מען זאָל אָפּגעבן דאָס געלט, וויפיל פאַר ווילנע און וויפיל פאַר דער פּראָווינץ און ווער זאָל מאַכן די פונאַנדערטיילונג.

דעם שטאַנדפּונקט פון קהילה האָט פאָרטיידיקט ל. יפה. אַדוו. צמח שאַבאַד פינקל־שטיין האָט געהאַלטן, אַז דאָס גאַנצע געלט געהערט צו „יעקאָפּאָ", ווײַל עס איז געשיקט געוואָרן פון אַ קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון מלחמה (אַזוי איז דער פולער נאָמען פון ד. ד. ק.) צו אַ קאָמיטעט מיט די זעלבע פונקציעס („יעקאָפּאָ" הייסט: יידישער געגנט־קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון מלחמה). ד"ר שאַבאַד האָט געפאָדערט מען זאָל פריער רעפאָרמירן דעם שטאָטישן קאָמיטעט (ווײַל די קהילה איז ניט קיין פולע) אויף אַזאַ אופן, אַז אַ טייל פון דער קהילה, „יעקאָפּאָ" און פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען זאָלן זיך באַטייליקן אין דער פונאַנדערטיי־לונג פון דאָס געלט.

אַנ–סקי האָט געזאָגט פאָלגנדעס:

— „דאָס געלט איז געשיקט פון איין הילפסקאָמיטעט אין צווייטן. צי ס'איז פאַראַן אין ווילנע אַ קהילה, קען זײַן ווייס מען גאַרניט אפשר אין אַמעריקע. מער ווי אַלע נויטיקן זיך די אָרעמע און אַרצעסנדיקע, אָבער די קהילה האָט ניט זייערע פאָרשטייער. די קהילה האָט געוויס דאָס רעכט אויף דאָס געלט, אָבער פריער דאַרף זי זײַן אַ גאַנצע קהילה".

אַז ס'איז געקומען צום צווייטן פונקט פון סדר־היום וועגן דער פּראָפּאָרציע פון דער פונאַנדערטיילונג, ד. ה. וויפיל זאָל מען געבן דער שטאָט ווילנע און וויפיל דער פּראָווינץ, האָט אַנ–סקי ווידער גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט פאָלגנדעס:

— „שטענדיק שלינגען די גרויסע שטעט איין דאָס גאַנצע געלט און די קליינע שטעטלעך בלײַבן גע'עולה'ט. איך האָב שוין געהאַט פּראַקטיק אין דער הינזיכט פון גאַליציע. מען מוז פון דער סומע אַסיגנירן אַ גרעסערן טייל פאַר דער געגנט און אַ קלענערן פאַר ווילנע און לכל הפחות העלפט אויף העלפט".

אַנ–סקיס פאָרשלאָג איז געוואָרן אונ־טערשטיצט פון מיטגליד פון קאָמיטעט און פון פאָרשטייער פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראייניגן חיים וואָלט.

אַנ–סקי אין יאָר 1919

די איבעריקע מיטגלידער פון קאָמי־טעט האָבן אָנגעוויזן, אַז ווילנע קומט איצט מער, ווײַל ווילנע נויטיקט זיך תּיכּף אין אַ גרעסערע הילף נאָך די איבערגעלעבטע בלוטיקע אַפּריל־טעג. מיט די שטעטלעך, אָבער, איז דער־ווײַל נאָך שווער זיך צונויפצובינדן; חוץ דעם זײַנען אין ווילנע פאַראַן אַ סך אינסטיטוציעס, וואָס מען מוז שטיצן. מען קען דעריבער ניט וואַרטן און מען דאַרף גלײַך איבערגעבן פאַר ווילנע צוויי דריטל פון די אָנגעקומענע געל־טער און איין דריטל איבערלאָזן פאַרן געגנט.

ס'איז געווען די צײַט פון נאָכן הונ־גער און פּאָגראָם.

נאָך לענגערע ויכּוחים זײַנען די אַלע אָנגערופענע ענינים, וואָס זײַנען באַ־האַנדלט געוואָרן אויף די דרײַ גרויסע זיצונגען, אַנטשלאָסן דערלײדיקט געוואָרן אויפן פאָלגנדן אופן: די קהילה האָט באַקומען פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" צוויי דריטל פון דער סומע, אָבער מיט דער פאָדערונג, אַז בײַם פונאַנדערטיילן דאָס געלט זאָלן צוגע־צויגן ווערן פאָרשטייער פון די ריכטונ־גען, וועלכע זײַנען דעמאָלט אין דער קהילה ניט געווען פאָרטראָטן.

ס'האָט אַלזאָ געזיגט אַנ–סקיס שטאַנד־פּונקט וועגן דעם, אַז דאָס געלט פאַר דער שטאָט זאָל פונאַנדערטיילן אַן אָר־גאַן מיט פאָרשטייער פון אַלע ריכטונ־גען און וואָס איז שייך דער פּראָפּאָר־ציע פון די הילפס־געלטער צווישן שטאָט און פּראָווינץ איז אַנ–סקיס שטאַנדפּונקט פולקום אָפּגעהיט געוואָרן אין דער גאַנצער ווײַטערדיקער טעטי־קייט פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ", וועלכער האָט אַלץ מער און מער קאָנ־צענטריט זײַן הילפס־ און אויפבוי־אַר־בעט אין דער פּראָווינץ לטובת די פאַר־וואָרלאָזטע יידישע שטעטלעך.

אַנ–סקי איז אויך געפאָרן אין נאָמען פון ווילנער „יעקאָפּאָ" אין פּראָווינץ. אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט דעם 25־טן פעברואַר 1919 איז באַשלאָסן גע־וואָרן אַרויסצוגעבן אַנ–סקין אַ פולמאַכט צו פאָרן קיין גראָדנע מיטן צוועק אויס־צופאָרשן די לאַגע פון די דאָרטיקע יידישע היימלאָזע. אין קאָפּיר־בוך פון קאָמיטעט (ז. ז. 10; אינווענטאַר־נומער פון אַרכיוו — 412) געפינען מיר וועגן דעם, אונטער דער זעלביקער דאַטע, פאָלגנדן נוסח פון אַ בריוו צו אַנ–סקין: „מיר בעטן אײַך אויסצופאָרשן אין גראָדנע דעם מצב פון די היימלאָזע, דהיינו:

א) וויפיל זײַנען זיי דאָרט פאַראַן;
ב) וואוהין ווילן זיי פאָרן, פון וואַנען קומען זיי;
ג) ווי גייט צו מיט זייער רעעוואַקואַציע וכדומה.

אונז איז דער עיקר נויטיק אַ סיסטעמאַטישער באַריכט וועגן דעם ענין און די נויטיקע סטאַ־טיסטישע דאַטן".

דעם 8 נאָוועמבער 1920 איז אַנ–סקי געשטאָרבן.

אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט „יע־קאָפּאָ" דעם 23 נאָוועמבער 1920 איז באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַר־אייביקן אַנ–סקיס אָנדענק. שפּעטער איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצורופן אויף זײַן נאָמען די קינדערהיים פאַר רעעמי־גראַנטן־קינדער, וואָס „יעקאָפּאָ" האָט געעפנט אין ווילנע אין נאָוועמבער 1920 (ז. אויבן זייטן 55–57). די אַנ–סקי־קינדערהיים האָט פאַרזאָרגט די עלנד־סטע קינדער אין די חדשים פון די גרויסע שטראָמען רעעמיגראַנטן. זי איז געווען אַן אמתע באַשיצערין פון די קינדער, וועלכע אַנ–סקי האָט אַזוי ליב געהאַט און דערמיט איז זי געווען דער בעסטער אָנדענק נאָך ש. אַנ–סקי ז"ל, דעם הילפסטוער און מיטגליד פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע.

מ. שאַליט.

* * *

אַנקעטע וועגן כּלל־טוער פּראָפעסיאָנאַלן

אַזוי האָט געהייסן די אַנקעטע, וואָס דער געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאַ“ אין ווילנע האָט אין די יאָרן 1925—1926 דורכגעפירט מיט דער הילף פון דער רעדאַקציע פון איצטיקן פּנקס צווישן אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע כּלל־טוער וועגן זייער לעבן און אַרבעט.

די כּלל־טוער פּראָפעסיאָנאַלן זיינען די פאַקטישע פירער פון די יידישע געזעלשאַפטן, זיי האָבן זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דער קהלשער אַרבעט און האָבן געלייגט דעם שטעמפּל אויף דער טעטיקייט פון די וויכטיקסטע יידישע חברות און אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און מוסדות, וועלכע זיי האָבן געגרינדעט און אַנטוויקלט, געשאַפן און געפירט. זייער מיינונג איז דעריבער באַזונדערס מאַסגעבנדיק און זייערע ענטפערס קענען דינען אַלס וויכטיקע דאָקומענטן פון דער צייט און פון דער אַרבעט.

די אַנקעטע האָט קודם־כּל געהאַט דעם צוועק פעסטצושטעלן די ראָלע פון די אַנגערופענע כּלל־טוער אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, זייער אָפּשאַצונג פון דער דאָזיקער אַרבעט און דעם גורל פון די טוער גופא. זי איז געווען געווענדעט צו אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע יידישע כּלל־טוער, גרעסטנטיילס פון די צענטראַלע הילפס־ און אויפבוי־געזעלשאַפטן אין פוילן און אויסלאַנד, ווי אויך צו איינציקע „יעקאָפּאַ“־טוער אויף דער פּראָווינץ.

די אַנקעטע, וועלכע איז די ערשטע און איינציקע אין איר מין, איז געווען גענוי אויסגעאַרבעט און אָפּגעדרוקט, האָט געהאַט 7 אָפּטיילונגען מיט 45 פראַגן און איר אינהאַלט איז געווען פאָלגנדער:

I. 1. פאַמיליע. 2. נאָמען. 3. פאָטערס נאָמען. 4. געבורטס־אָרט. 5. עלטער. 6. פאַמיליען־באַשטאַנד. 7. בילדונג. 8. באַשעפטיקונג (איצטיקע). 9. פאַך. 10. אַדרעס (איצטיקער).

II. 1. אין וועלכער געזעלשאַפט געאַרבעט (פולער נאָמען פון דער געזעלשאַפט, שטאָט און לאַנד). 2. ווען אָנגעהויבן צו אַרבעטן. 3. אין משך פון וועלכער צייט געאַרבעט. 4. וואָס פאַר אַן אַרבעט אויסגעפירט. 5. ווען אויסגעהערט צו אַרבעטן. 6. צוליב וואָס אויסגעהערט.

III. 1. צי האָט איר פאַרנומען אייער געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן אַלס געוויילטער אָדער געדונגענער. 2. צי זייט איר געווען געוויילט און ווען אַלס דעלעגאַט אין מלוכהשע, שטאָטישע אָדער קהלשע פאַרטרעטונגס־אָרגאַנען. 3. צי האָט איר געאַרבעט אַלס פּראָפעסיאָנאַל אויך אין ניט־יידישע געזעלשאַפטן און אין וועלכע? 4. צי האָט איר אָנטייל גענומען אין צוזאַמענפאָרן (אַלוועלטלעכע, לאַנדלעכע אָדער אַנדערע), אין וועלכע? ווען? 5. צי זיינען לויט אייער איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן אינסטיטוציעס אָדער נייע אַרבעטס־מעטאָדן, וועלכע? 6. עקסיסטירן נאָך היינט די אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען לויט אייער איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן? ווער פירט מיט זיי אָן? 7. האָט איר אינטערוועניִרט ביי דער צענטראַלער אָדער אָרטיקער מאַכט: אין וואָס פאַר אַנגעלעגנהייטן, מיט וואָס פאַר אַן ערפאָלג? 8. האָט איר דערלאַנגט מעמאָראַנדומס און מיט וועלכן ערפאָלג? 9. צי האָט איר געאַרבעט אין זעלבסטפאַרוואַלטונגען, ווען, ביי וואָסערע באַדינגונגען? 10. צי האָט איר פאַרנומען אַ מלוכה־שטעלע, ווען, ביי וואָסערע באַדינגונגען?

IV. 1. די באַשעפטיקונג פאַרן אָנהויבן צו אַרבעטן אין דער געזעלשאַפט אַלס פּראָפעסיאָנאַל. 2. ווי אַזוי און ביי וועלכע באַדינגונגען אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער געזעלשאַפט. 3. דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט. 4. די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער אַרבעט.

V. 1. אייער איבערגאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צו דער פּריוואַטער: א) צי האָט איר גלייך באַקומען אַן אַנדער באַשעפטיקונג, ב) וויפיל צייט האָט געדויערט איידער איר האָט באַקומען די באַשעפטיקונג, ג) וועלכע באַשעפטיקונגען אָדער אַרבעטן האָט איר געזוכט, איידער איר האָט באַקומען די איצטיקע שטענדיקע באַשעפטיקונג (I, 8), ד) אויב איר זייט נאָך ביז איצט אָן אַ באַשעפטיקונג, איז צוליב וועלכע סיבות. 2. צי זייט איר נאָך פאַרבליבן אין וועלכע ניט איז באַציאונגען מיט דער געזעלשאַפט אין וועלכע, נעמלעך, ווי איר האָט אין איר אויסגעהערט צו אַרבעטן אַלס פּראָפעסיאָנאַל. 3. אין וועלכע געזעלשאַפטן אַרבעט איר איצט. 4. אין וועלכע אַנדערע געזעלשאַפטן האָט איר געאַרבעט, חוץ אין דער, וואו איר זייט געווען אַ פּראָפעסיאָנאַל און אין וואָס האָט זיך דאָרטן אויסגעדריקט אייער אַרבעט אָדער וועלכע ערנאַמטן האָט איר דאָרט פאַרנומען.

VI. 1. צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי האָט איר געהערט אָדער סימפּאַטיזירט בעת איר האָט געאַרבעט אין דער געזעלשאַפט אַלס פּראָפעסיאָנאַל. 2. דער פּאַרטיי־צוזאַמענשטעל פון די איבעריקע אָנפירנדיקע אָנגעשטעלטע. 3. די ראָלע און השפּעה פון דריטן עלעמענט (פּראָפעסיאָנאַלן־כּלל־טוער, אָנפירנדיקע אָנגעשטעלטע, פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון אינטעליגענץ) אין די געזעלשאַפטן, וואו איר האָט געאַרבעט. 4. אייער איצטיקע פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט אָדער פריינטשאַפט. 5. צי האָט איר געהערט צו וועלכער עס איז פאַראייניקונג פון געזעלשאַפטלעכע טוער, ווען און וואו? 6. צי האָט אייער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט געהאַט אַ ווירקונג אויף דורכפירן די אַרבעט. 7. צי האָט איר געהאַט קאָנפליקטן מיט פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס און כּלל־טוער אין פאַרלויף פון דער אַרבעט. 8. אייער אַלגעמיינער קוק אויף דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. 9. צי זייט איר געווען אַקטיוו ליטעראַריש? אויב יאָ — צו נאָר אין די פראַגן, וואָס זיינען שייך צו אייער פּראָפעסיאָנעל־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אָדער אויך אין אַלגעמיינע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים? 10. צי האָט איר פּובליקירט וועלכע ניט איז מאַטעריאַלן וועגן אייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אָדער וועגן די געזעלשאַפטן, וואו איר האָט געאַרבעט, צי האָט איר וועלכע ניט איז מאַטעריאַלן אָדער מאַנוסקריפּטן, ספּעציעל מעמואַרן א. אַ.

VII. 1. די אָפּשאַצונג פון דער אַרבעט פון דער אינדיווידועלער זייט (צי האָט איר געפילט אַ גייסטיקע באַפרידיקונג פון דער אַרבעט, צי האָט זי אייך אינגאַנצן פאַרנומען, ווי האָט זי געווירקט אויף אייך פּסיכאָלאָגיש וכדומה).

באַמערקונגען. דאַטע פון אויספילן די אַנקעטע־אינטערסירטע.

גענוי אויסגעפילטע ענטפערס האָבן זיך באַקומען פון די פאָלגנדע 30 טוער (לויטן א״ב):

1) אַבראַמאָוויטש ה.; 2) אַלטער לעאָן; 3) אַנטאָוויל ס.; 4) אַקון י., אינזש.; 5) אַראָנאָוויטש ג.; 6) ברוצקוס בער, אַגר.; 7) בריאַנסקי י., אַדוו.; 8) גאָלדע סעלים; 9) גערגעל נ.; 10) גאָלדין א.; 11) גומענער א. אַדוו.; 12) גורוויטש העשל; 13) העלד אַדאָלף; 14) וויקטאָראָוו ש.; 15) וואָלק י.; 16) זיבערט ג.; 17) זילבערפאַרב מ., ד״ר; 18) זילבערשטיין א., ד״ר; 19) טשערניאַקאָוו א., אינזש.; 20) טשערניכאָוו י., אַדוו.; 21) יאַשונסקי י.; 22) כּהן בערנאַרד, ד״ר; 23) לעשטשינסקי יעקב; 24) מייזל נחמן; 25) מלמד זעליג; 26) ניישטאַט ל.; 27) סענאַטאָר ווערנער, ד״ר; 28) פרענקל ל., אינזש.; 29) קלעבאַנאָוו א., אינזש.; 30) קריינין מ.

וועגן פיל פון די כּלל־טוער ז. אויך ווייטער: דעם ביאָגראַפישן לעקסיקאָן, זייטן 709—948.

פון די ענטפערס ברענגען מיר דאָ פאָלגנדע (סומאַריש):

I. 4. **געבורטס־אָרט**: ווייסרוסלאַנד — 7; ליטע — 5; קאָנגרעס־פוילן — 5; אוקראַינע — 4; גאַליציע — 2; וואָלין — 1; פּאַלעסטינע — 1; לעטלאַנד — 1; דייטשלאַנד — 1; שוועדן — 1; רומעניע — 1; דרום־רוסלאַנד — 1.

I. 5. **עלטער**: 31—35 יאָר — 5; 36—40 יאָר — 9; 41—45 יאָר — 8; 46—50 יאָר — 6; 51—55 יאָר — 1; 56—60 יאָר — 0; 61—65 יאָר — 1.

I. 6. **פאַמיליען־באַשטאַנד**: פרוי און 1 קינד — 12; פרוי און 2 קינדער — 11; פרוי אָן קינדער — 3; בחורים — 4.

I. 7. **בילדונג**: העכערע — 19; העכערע ניט פאַרענדיקט — 4; מיטעלע — 3; פאָלקסשול און שטוביקע — 4.

I. 9. **פאַך**: יוריסטן — 10; אינזשענערן — 4; לערער — 4; בוכהאַלטערן און ביוראָליסטן — 4; אַרבעטער — 2; מאַטעמאַטיקער — 1; סטאַטיסטיקער — 1;

אַגראָנאָם — 1; מעדיצינער — 1; שריפטשטעלער — 1; כוחר — 1.

II. 3. וויפיל יאָר געאַרבעט געזעלשאַפטלעך: פון 4 ביז 10 יאָר — 14; פון 10 ביז 15 יאָר — 6; פון 15 ביז 20 יאָר — 3; פון 21 ביז 25 יאָר — 6; פון 25 ביז 29 יאָר — 1.

III. 10. מלוכה-שטעלעס האָבן פאַרנומען 11 כלל-טוער, פון זיי 9 אויף אוקראַינע און רוסלאַנד, 2 אין פוילן און 1 אין עסטרייך. זיי זיינען געווען: אַ מיניסטער, געהילף-מיניסטער, דירעקטאָרן פון דעפּאַרטאַמענטן און הויכע באַאַמטע.

IV. 4. מאַטעריעלע באַדינגונגען: מיטלמעסיקע — 11; זייער גוטע — 5; גוטע — 4; ניט-באַפרידיקנדיקע — 4; ניט-גוטע — 4; באַפרידיקנדיקע — 2. דער אונטערשייד אין די שכירות, וואָס די כלל-טוער האָבן גענומען אַלס פּראָפעסיאָנאַלן, איז געווען ממש אַ קאָלאָסאַלער. אייניקע פלעגן באַקומען בערך פון 20 ביז 30 דאָלאַר אַ חודש (ניט גוטע) און אַנדערע 200 דאָלאַר אַ חודש און נאָך פיל מער (זייער גוטע). דער דורכשניטלעכער געהאַלט איז געווען פון 50 ביז 75 דאָלאַר אַ חודש (מיטלמעסיקע און באַפרידיקנדיקע). אַ פּאָר האָבן באַקומען איבער 100 דאָלאַר אַ חודש (גוטע). די גרויסע און גאָר גרויסע שכירות פלעגן באַקומען די אָנגעשטעלטע און באַאַמטע פון די אַמעריקאַנער געזעלשאַפטן.

VI. 1, 2, 4. פּאַרטיי-אָנגעהעריקייט: אומפּאַרטייאישע — 7; „פאַראייניקטע" — 5; „בונד" — 5; ציוניסטן — 3; סאָציאַל-דעמאָקראַטן — 2; פאָלקיסטן — 3; רעכטע „פּועלי-ציון" — 2; „צעירי-ציון" — 2; „התאחדות" — 1. צווישן די אומפּאַרטייאישע זיינען געווען גרעסטנטיילס סימפּאַטיקער פון די „פאַראייניקטע" און „בונד".

פון די ענטפערס אויף די איבעריקע פראַגן איז צו זען, אַז די כלל-טוער פּראָפעסיאָנאַלן האָבן געגרינדעט און אויסגעבויט הונדערטער אַנשטאַלטן, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי עקסיסטירט נאָך ביז היינטיקן טאָג. לויט זייער איניציאַטיוו זיינען געשאַפן געוואָרן צענדליקער פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און זיינען איינגעפירט געוואָרן נייע אַרבעטס-מעטאָדן. די צאָל אינטערווענצן ביי דער מאַכט איז געווען זייער גרויס און די דערלאַנגטע מעמאָראַנדומס האָבן גרעסטנטיילס געהאַט ערפאָלג. אַלע האָבן גענומען אַן אַנטייל אין צוזאַמענפאָרן און באַראַטונגען, אַ טייל פון וועלכע זיינען דורך זיי צוזאַמענגערופן געוואָרן. פיל זיינען געווען ראַטמענער אין זעלבסטפאַרוואַלטונגען און קהילות. פיל האָבן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע ענינים און ספּעציעל וועגן די פראַגן פון זייער אַרבעט. אייניקע האָבן אַרויסגעלאָזן בראָשורן און ביכער. אַ ריי פאַרמאָגן אַרכיוו-מאַטעריאַלן, טאָג-ביכער און מאַנוסקריפּטן.

פון די 30 כלל-טוער זיינען 18 נאָך ביז היינטיקן טאָג (1930) פאַרבליבן פּראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפטלעכע טוער. די איבעריקע 12 זיינען אַריבער צו אַנדערע באַשעפטיקונגען טיילווייז צוליב דער ליקווידאַציע פון זייער אַרבעט אין די באַטרעפנדע אָרגאַניזאַציעס אָדער צוליב דער ליקווידאַציע פון די אָרגאַניזאַציעס גופא און טיילווייז צוליב פאַרשיידענע פּרינציפּיעלע קאָנפליקטן אָדער צוליבן אומקערן זיך צו זייער פאַך. דער גרעסטער טייל פון די 12 האָט אויך נאָכדעם ניט אויפגעהערט אינטענסיוו צו אַרבעטן געזעלשאַפטלעך, אָבער שוין ניט אַלס פּראָפעסיאָנאַלן, נאָר פרייוויליק און אָן געצאָלט. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז אויך פיל פון די איבעריקע פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער האָבן חוץ זייער אייגנטלעכער באַצאָלטער אַרבעט אין דער געגעבענער אָרגאַניזאַציע אָדער געזעלשאַפט גלייכצייטיק אויך ענערגיש געאַרבעט אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און חברות אָן געצאָלט און ערנאַמטלעך.

דער ווייט-גרעסטער טייל פון די פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער איז פאַרבליבן ניט פאַרזיכערט אין פאַל פון פאַרלירן די אַרבעט און זיין גאַנצע עקזיסטענץ איז תמיד געהאַנגען אין דער לופטן אָן קיין שום פעסטן באָדן און ס'האָט אים אין יעדער צייט געדראָט די געפאַר אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אויפן גאַס אָן קיינע שום מיטלען פון לעבן. צוליב דעם שטענדיקן ניט זיכערן ביודזשעט און פּריוואַטן כאַראַקטער פון די געזעלשאַפטן האָט ניט געקענט זיין קיין שום רייד וועגן אַ שטענדיקער פּענסיע, עמעריטור און אַסעקוראַציע און נאָר די רייכערע געזעלשאַפטן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוצאָלן די רעדוצירטע באַאַמטע אַן איינמאָליקע קאָמפּענסאַציע. אויך אין דעם פאַל זיינען אַמבעסטן געווען אַוועקגעשטעלט די באַאַמטע אין די אַמעריקאַנער געזעלשאַפטן. די דאָזיקע באַאַמטע האָבן זיך אויך גרעסטנטיילס ווייניקער ווי אַלע איבעריקע פאַרנומען מיט ערנאַמטלעכער טעטיקייט אין אַנדערע געזעלשאַפטן און חברות, חוץ זייער אייגענער אָרגאַניזאַציע.

מיט 3 אויסנאַמען האָבן די איבעריקע (9), וואָס זיינען אַוועק פון דער פּראָפעסיאָנעלער געזעלשאַפטלעכקייט, איינגיכן געפונען אַנדערע באַשעפטיקונגען, הגם פאַר אייניקע איז דער איבערגאַנג געווען גענוג שמערצלעך און דאָס צופּאַסן זיך צו די נייע באַדינגונגען האָט געדויערט ניט ווייניק צייט און האָט געקאָסט אַ סך ענערגיע און אויסדויער. די דריי האָבן עמיגרירט, פון זיי האָט זיך איינער אומגעקערט צוריק.

זייער אינטערעסאַנט זיינען די ענטפערס וועגן דעם עצם פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס איז פאָרמולירט אין די פּונקטן VI, 8; VII, 1 און אין די באַמערקונגען פון דער אַנקעטע (אַלגעמיינער קוק; אָפּשאַצונג פון דער אַרבעט).

אָט זיינען אַ ריי פון זיי:

— „הלואי זאָלן מיר אַריבער צו אַ געזונטער מלוכה'שער אַרבעט". / „געלעבט און לעב איצט אויך מיט דער אַרבעט, וועלכע האָט מיר פאַרנומען די לעצטע 15 יאָר פון מיין לעבן. און כ'בין שטאַרק צופרידן. עפּעס אויסגעטאָן". (נ. מ.).

— „צוויי אידעאָלאָגיעס, וועלכע הערשן די לעצטע צענדליק יאָרן אויף דער יידישער גאַס, האָבן איבערהויפּט געשטערט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט: די ציוניסטישע און בונדיסטישע, ניט וועלנדיק דערביי אָנערקענען, אַז ווען די מלוכה און זעלבסטפאַרוואַלטונגען זאָרגן ניט וועגן די יידישע נויטן, מוזן אומבאַדינגט זיין די געזעלשאַפטן. די מאַטעריעלע מיטלען זיינען אויסגעשעפּט (אויסלאַנד, ד. ד. ק.). דער דריטער עלעמענט איז אַנטוישט און נאָר די סאַנקציע פון מלוכה (קהילה, נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע) קען ראַטעווען די סיטואַציע". / „די אַרבעט האָט געגעבן אַ קאָלאָסאַלע באַפרידיקונג. עס איז געווען אַ גלענצנדע שול פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַ שווערן איינדרוק האָבן אַמאָל געמאַכט די באַציאונגען פון די צענטראַלע אַנשטאַלטן און אָרטיקע טוער" (אַדוו. א. גום.).

— „ביי קיין פאָלק איז די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ניט אַזוי נויטיק ווי ביי אונז, צוליב דעם, וואָס די מלוכה זאָרגט אַבסאָלוט ניט פאַר אונזערע אָנגעלעגנהייטן. זי איז אַ חוב פאַר יעדן ערלעכן, אינטעלעקטועל-אַנטוויקלטן מענטשן. אָבער אונזערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטער ליידן צופיל פון אַמבי-

ציטס (פערזענלעכע), דאָקטערינערסטווע און אָפולע רייד (אויף זיצונגען). מער זאַכלעכקייט, באַשיידנקייט! דאָס צעוואָרפן זיך אויף פאַרשיידענע געביטן ברענגט מער שאָדן ווי נוצן. אומעטום — הייסט אין ערגעץ ניט". / „אָן דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט וואָלט איך זיך שלעכט געפילט. זי פאַרפילט עפעס אַ בלייז אין דער אַרומיקער פוסטקייט און גייסטלאָזיקייט". / „מיר נויטיקן זיך איצט אין אַרבעטער אויפן קולטורעלן און פראָדוקטיוון געביט. וואו מען זאָל זיך ניט אַ קער טאָן — פאַרוואָרלאָזט!" (ה. א.).

— „די נויטווענדיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז געקומען צום באַוואוסטזיין פון דער יידישער מאַסע און כמעט געוואָרן אַ פאָדערונג פון דער יידישער מאַסע. צוליב דעם אָבער, וואָס איר נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פאַלט אין דעם מלחמה- און נאָך-מלחמה-פעריאָד האָט זיך ביז היינט פון דער אַרבעט ניט אָפגעטאָן דער כאַראַקטער פון אַ צופעליקער אַרבעט. ס'הערשט נאָך אַ גרויסער כאַאָס אויף דעם געביט. ניט פאַראַן קיין איינהייטלעכע אַרבעטסמעטאָדן און ליניעס. כלל-טוער, אַפילו פראָפעסיאָנעלע, פאַרנעמען זיך מיט די פאַרשיידנסטע סאָרטן אַרבעט. דערזעלבער מענטש פירט אָן, למשל, מיט עמיגראַציע-ענינים, יתומים-הילף, פאַך-שולן א. אַז. וו. דאָסזעלבע איז אויך ביי די קאָמיטעטן. דיזעלבע פערזאָנען פאַרנעמען זיך מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. פאַראַן ערטער, וואו דער דעמאָקראַטישער פרינציפ איז אינגאַנצן ניט פאַרטראָטן און די אַרבעט ווערט אויסגעפירט פון איין מענטשן. ווייער פיל שאַדט אויך דאָס פאַרבינדן (ווי דאָס געשעט אָפט) די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיט דער פראַגע פון פאַרטיי-פאָליטישן פרעסטיזש. מיר האָבן נויטיק: א) אויסבילדונג פון פאַך-קענער פאַר יעדן רעסאָרט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט באַזונדער; ב) שאַפן אַ פלאַן און סיסטעם פון אַרבעט; ג) אויסטויש פון געדאַנקען און דערפאַרונגען פון די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס; ד) אַן איינהייטלעכע פראָפאַגאַנדע, כדי צו שאַפן מיטלען ביי דער יידישער מאַסע און ביי דער מלוכה און אויף אַזאַ אופן באַפרייען זיך פון די יידישע הילפס-אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד; ה) שטרעבן, אַז פאַר אַלע רעסאָרטן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט זאָלן געשאַפן ווערן רעפעראַטן ביי די יידישע קהילות, וועלכע האָבן אויך אין דער ערשטער ריי צו זאָרגן וועגן די נויטיקע ביודזשעטן". / „די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט מיר געגעבן די גרעסטע גייסטיקע באַפרידיקונג. איך האָב זיך אין דער דאָזיקער אַרבעט אינגאַנצן אויסגעלעבט" (ד"ר א. ז.).

— „די אַרבעט האָט מיר אינגאַנצן איינגעשלונגען. פאַרטריבן דעם חשק צו עולם-הזה-תאוות" (א. ג.).

— „די אַרבעט האָט מיר צופרידנגעשטעלט און באַפרידיקט אין די ערשטע יאָרן פון מיין טעטיקייט, נאָך מערער אינדערצייט פון רעוואָלוציע, ווען די אַרבעט האָט זיך באַפרייט פון דער השפעה פון די אַזויגערופענע „כלל-טוער" און איז פולקאָם אַריבער צום דריטן עלעמענט. מיט פאַרדרוס און ווייטאָג מוז איך אָבער דערמאָנען מיין אַרבעט אין ווילנע אין אַ געוויסער געזעלשאַפט (אומאויפהערלעכע פרינציפיעלע קאָנפליקטן) און אונטער דעם איינדרוק געפין איך פאַר נויטיק אָפצוהאַלטן זיך פון אָפשאַצונג. איך טייל מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אויף דריי פעריאָדן: ביז דער רעוואָלוציע — אַן אומגעהויערע באַפרידיקונג, אין דער צייט פון רעוואָלוציע — דאָס זעלבע און נאָך מער, אָבער אָן דעם ברען פון דעם ערשטן פעריאָד, אַבסאָליוט ניט — אין ווילנע" (ש. וו.).

— „די ערשטע צייט אַ התלהבות-דיקע. לעצטנס — אַ באַפרידיקנדיקע" (י. וו.).

— „די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָט נאָך דער מלחמה דערוואָרבן אַ סך מער אויסערלעך-געזונטע מעגלעכקייטן און וואָס האָט אַריינגעצויגן אין איר טעטיקייטס-קרייז גרעסערע דעמאָקראַטישע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, לעבט צוזאַמען מיט דעם איבער אָן אַ ספק אַ טיפן קריזיס. איך רעכן אָבער, אַז אויף וויפיל די עקאָנאָמישע און אַלגעמיינע באַדינגונגען פון לעבן וועלן זיך פאַרבעסערן און די רעזולטאַטן פון דער מלחמה וועלן פאַרשווינדן, וועט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אויפלעבן מיט אַ נייער קראַפט". / „ניט רעכענענדיק די שווערע לעצטע יאָרן פון אַרבעט, בין איך געווען פולקאָם באַפרידיקט און פאַרכאַפט פון דער אַרבעט". (אינזש. ל. פ.).

— „אין אַלגעמיין שטייט איצט די יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אויף אַ נידעריקערער שטופע ווי פאַר דער מלחמה". / „די אַרבעט האָט מיר אינגאַנצן פאַרנומען, אָבער איצט איז זי געוואָרן אַ מער טעכנישע און עס פעלט דער ברייטער מאָמענט, וואָס פאַרבלייבט ניט באַפרידיקט". (ל. א.).

— „אויף דער יידישער גאַס מערקט זיך דאָס פעלן פון אַ ווירטשאַפטלעכן געדאַנק. דער ווירטשאַפטלעכער אַנאַלפאַבעטיזם פון די פאָליטיקער איז זיך טעגלעך נוקם אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן". (אינזש. א. ס.).

— „די יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אויף וויפיל די רייד גייט וועגן די צענטראַלע אינסטאַנצן, איז פאַרפלאַכט און פאַרביוראָקראַטיזירט געוואָרן, הגם זי איז אין כמות שטאַרק אויסגעוואַקסן. דער געוועזענער דריטער עלעמענט, וואָס שטייט איצט אין דער שפיץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן פלאַכער און אָרעמער מיט אידעען, ווי די אַמאָליקע פעטערבורגער כלל-טוער". (י. ל.).

— „די געזעלשאַפט בויגט זיך צופיל פאַר די פאַרטייען" (ז. מ.).

— „וועגן די אויסלענדישע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין פוילן, האָב איך ווייט ניט קיין גינסטיקע מיינונג. אייניקע זיינען געווען אַ פולשטענדיקער דורכפאַל. אייניקע האָבן זייער פיל גוטס אויפגעטאָן, אָבער זייער בעלי-ביתישקייט איז געווען אַ פאַרשווענדערישע, די מעטאָדן פון אַרבעט אומבאַשטימטע און טיילווייז ניט ריכטיקע. אייניקע האָבן סתם געפירט אַ שוואַכע טעטיקייט". / „די אַרבעט אין די ערשטע האָט מיר קיין גייסטיקן נחת ניט פאַרשאַפט. די אַרבעט אין די צווייטע האָט מיר באַגייסטערט און אינגאַנצן פאַרנומען, אָבער איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק פון איר זיך אָפצוזאָגן צוליב פרינציפיעלע חילוקי-דעות". (ג. ז.).

— „אויב איך זאָל פאַראַלגעמיינערן מיין דערפאַרונג וואָלט איך געדאַרפט קומען צו אַ פעסימיסטישן קוק". (אַדוו. י. ס.).

— „ביים איצטיקן צושטאַנד פון די יידישע לעבנס-באַדינגונגען מוז די יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַרנעמען דעם פלאַץ פון רעגירונגס-אינסטיטוציעס אויף פאַרשיידענע געביטן. דער גרונטפרינציפ פון דער יידישער ווי פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט מוז זיין: ברייטע עפנטלעכקייט, ענגע פאַרבינדונג מיט דער מיטגלידערשאַפט און זעלבסט-טעטיקייט פון די ברייטע שיכטן. דער פילאַנטראָפישער פרינציפ מוז מיט אַלע מעגלעכקייטן ביסלעכווייז אויסגעראָטן ווערן פון אַלע יידישע אַנשטאַלטן און מוז פאַרביטן ווערן מיט מאָדערנע דעמאָקראַטישע פאָרמען פון זעלבסטהילף און קעגנזייטיקער שטיצע". / „די לעצטע צען יאָר האָבן שטאַרק אויפגעהויבן דעם ניוואָ פון דעם יידישן פראָפעסיאָנעלן כלל-טוער, וועלכער פאַר-

נעמט איין מער און מער א וויכטיקן פּלאַץ אין יידישן עפנטלעכן לעבן. זיין לאַגע און ניט נאָר מאַטעריעלע, נאָר אויך מאָראַלישע איז נאָך אָבער ווייט ניט באַפרידיקנדיק. די בטול-באַציאונג צו פּראָפעסיאָנעלן כלל-טוער אין א באַדייטנדן טייל פון אונזער געזעלשאַפט איז נאָך גענוג גרויס און ביז איצט קוקט מען נאָך אויף אים ווי אויף אַן עלעמענט, וואָס לעבט אויפן קהלשן חשבון און ניט פּשוט קהלשן, נאָר צדקה-חשבון, ווייל אַלע אינזערע אינסטיטוציעס עקסיסטירן דאָך אויפן צדקה-יסוד. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס מיר זעען ניט קיין יורשים פאַר די פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער. די יונגע אינטעליגענץ שאַצט אָפּ די אומזיכערקייט פון די עלטערע טוער און זוכט מיט אַלע מיטלען אויסצומיידן איר גורל. נאָך מער, א געוויסער טייל פון די פּראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפטלעכע טוער ציט זיך, צוליב דער אומגינסטיקער מאַטעריעלער און מאָראַלישער לאַגע, צוריק פון איר אַרבעט. מען מוז דעריבער זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרפעסטיקן די לאַגע פון דער דאָזיקער נייער יידישער סאָציאַלער גרופּירונג. דאָס ליגט ניט נאָר אין דעם אינטערעס פון די פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער, נאָר פון דער גאַנצער יידישער עפנטלעכקייט, פון דער אַרבעט גופא. אין דער הינזיכט דאַרף מען קלערן אין דער ערשטער ריי וועגן א פאַראייניקונג פון די פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער, צונויפרופן א ספּעציעלע באַראַטונג וועגן דער דאָזיקער פראַגע, כדי צו געפינען די פּאַסיקע מיטלען". (נ. ג.).

— „די יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז פאַריתומט. זי האָט ניט געלאָזן קיין טיפע וואָרצלען אין די ברייטסטע פאָלקסמאַסן, וועלכע זיינען צו איר און צו דעם גאַנצן כאַראַקטער פון איר אַרבעט גאַנץ גלייכגילטיק. דאָס דאַרף געוויס פייניקן יעדן ערלעכן געזעלשאַפטלעכן טוער און באַזונדערס דעם פּראָפעסיאָנעלן טוער. ער איז אָבער בלי שום ספק איר פאָינער און ניט קוקנדיק אויף די אַרומיקע גלייכגילטיקייט דאַרף ער פאָרזעצן זיין אַרבעט, אָרגאַניזירן, קולטיווירן און טריט ביי טריט שאַפן די סביבה פאַר א נייער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. על כל פנים פאַרנעמט דער פּראָפעסיאָנעלער כלל-טוער די אָנפירנדסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע ראָלע אין דער דאָזיקער אַרבעט". (פ. א.).

אין די שפּעטערדיקע יאָרן 1927–1930 איז דער קריזיס פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געוואָרן נאָך שטאַרקער און די לאַגע פון די פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער נאָך וואַקלדיקער און אומזיכערער. צען יאָר נאָכן שליסן דעם שלום האָבן זיך נאָך אַלץ געלאָזן שאַרף פילן די נאָכווייענישן פון דער וועלט-מלחמה און צו קיין נאָרמאַלער און רואיקער אַרבעט איז אַלץ ניט געווען מעגלעך צו דערגיין.

מען האָט כסדר געלעבט אין אַזוי צו זאָגן צווישן-צייט און דער דאָזיקער ניט פעסטער מצב האָט אויך אַרויסגערוקט אויף דער אויבערפלאַך פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צופעליקע און אומבאַשטימטע פּערזאָנען, וואָס אָפט זיינען זיי געווען ניט מער ווי פיגוראַנטן, אויסגעוויזן האָט אָבער, אַז זיי זיינען עס די פירער און פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון די געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס. די לאַגע פון די פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער איז דורכדעם געוואָרן נאָך ערגער און ווייניקער חשוב, ס'האָבן זיך פאַרמערט די קאָנפליקטן און ס'האָט ניט איינמאָל געבראַכט צום באַנקראָט פון אינסטיטוציעס. די אַמאָליקע גבאים — פון פאַר דער מלחמה — האָבן, ווען ס'איז געווען נויטיק, געטראָגן און געשאַפן געלט פאַר די חברות, וואו זיי זיינען געווען טעטיק, — די נייע גבאים זיינען אויך אין דעם פּרט אָפטמאָל געווען ניט מער ווי פיגוראַנטן און די גאַנצע לאַסט פון שאַפן די בודזשעטן איז ווידער אַמאָל געלעגן אויף די פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער, אויף די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. דער שוים פון דער צייט האָט געבראַכט צו דער געזעלשאַפטלעכער מאַכט מענטשן, וואָס זיינען געווען ווייט פון וועלכן ניט איז געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין און זיי זיינען געווען לגמרי פרעמד די טראַדיציעס פון מסירת-נפשדיקער און אַבסאָלוט אומאייגננוציקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

די קאָנפליקטן, וואָס זיינען אַמאָל געווען צווישן די גבאים און דעם דריטן עלעמענט, האָבן געטראָגן א פּרינציפּיעלן כאַראַקטער. ס'איז געווען אַן אידעאישער שטרייט פאַר מעטאָדן פון אַרבעט און פאַר דערלאָזן די דעמאָקראַטיע צו א דעה אויף אָנפירן מיט דער אַרבעט. ס'זיינען אויך געווען קאָנפליקטן צווישן די אָרטיקע טוער מיט די שילוחים פון דזשוינט, אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען קאַמפן לשמה, צוליב דער טובה פון דער אַרבעט גופא. מען האָט זיך פּסיכאָלאָגיש איינער דעם אַנדערן אָפט ניט פאַרשטאַנען צוליב לגמרי אַנדערע צוגאַנגען צו דער עצם פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווייל ס'זיינען אָנגעקומען פרעמדע מענטשן מיט ווייניק פאַרשטענדעניש וועגן די ענינים אויפן אָרט.

די קאָנפליקטן אָבער פון די לעצטע יאָרן זיינען שוין געווען גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער — דאָס זיינען געווען מער חשבונות פון א פּערזענלעכן, דעמאַגאָגישן אָדער פּאָליטישן מהות אָדער אַרומרייסעניש פון טוער פון די ניי-אַנטשטאַנענע אַזויגערופענע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס (פאַראיינען פון האַנטווערקער, קליינהענדלער, סוחרים), וואָס האָבן זיך כסדר געשטופּט צו פּאָליטישער מאַכט און צו פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע באַצאָלטע פּאָסטנס.

דאָס אַלץ האָט שטאַרק פאַרמינערט די חשיבות פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און האָט אַראָפּגענידערט דעם ניוואָ פון געזעלשאַפטלעכן טוער, וועלכן ס'האָבן אויך ניט געקענט הייבן די ניי-אַנטשטאַנענע קהילות מיט דעם עצם כאַראַקטער פון זייער ענג-באַגרענעצטער רעליגיעזער קאָמפּעטענץ, אָפּגעשטאַנענעם אופן פון וואַלן, אומגעהויער פאַרשאַרפטע פּאַרטיי-קאַמפן און פאַרעלטערטן גייסט פון אַרבעט. אויב אַזוי טרויעריק האָבן זיך אויסגעלאָזן די גרויסע האָפענונגען אויף די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע האָבן זיך דערווייל אויך ניט בעסער אויסגעלאָזן די אָפּטימיסטישע האָפענונגען אויף גרעסערע אונטערשטיצונגען פון דער מלוכה און פון אַלגעמיינע שטייער-קוועלן. פאַרקערט, ס'איז נאָך צוגעקומען די צוואַנגס-באַשטייערונג פון די קהילות, וועלכע האָט זיך געלייגט ווי א נייע צוגאָב-משא ספּעציעל פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

די אַלע וואונטשן אין דער הינזיכט, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די כלל-טוער פּראָפעסיאָנאַלן אין זייערע ענטפערס אין דער אַנקעטע, וואַרטן נאָך אויף אַזאַ אופן אויף זייער פאַרווירקלעכונג.

א גרויסע טרייסט איז בלויז די באמת קאָלאָסאַלע אַרבעט, וואָס די כלל-טוער פּראָפעסיאָנאַלן האָבן אויפגעטאָן און די זייער ממשותדיקע רעזולטאַטן, וואָס זיינען פאַרבליבן פון זייער אַרבעט. זייערע אויפטוען זיינען אייגנטלעך דער גאַנצער פּראַקטישער אינהאַלט פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט זיינע אַלע אינסטיטוציעס און דורכגעפירטע גרויסע הילפס- און אויפבויאַקציעס.

פון אַלע 30 ענטפערן איז קלאָר צו זען, אַז די כלל-טוער פּראָפעסיאָנאַלן

האָבן געאַרבעט מיט גרויס באַגייסטערונג, האָבן געטאָן זייער אַרבעט ווי אַ הייליקע זאַך, מיט מסירת־נפש און איבערגעגעבנקייט, ווי בײַ אַ גרויסער אידעע — און אויך פֿון די קאָנפֿליקטן זיינען זיי, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, אַרויס געלייטערטע און פֿאַרהאַרטעוועט פֿאַר נייע אַרבעטן און אויפֿטוען. אין דעם ווייט גרעסטן טייל פֿאַלן זיינען בכלל קיין קאָנפֿליקטן ניט געווען, און דער גייסט פֿון דער אַרבעט איז געשטאַנען אויף זייער אַ גרויסער הויך מיט אַ נאַטירלעכער דיסציפּלין, וואָס די גרויסע אַרבעט גופא האָט געשאַפֿן פֿון זיך אַליין.

דער מצב, אָבער, פֿון די כּלל־טוער פּראָפֿעסיאָנאַלן איז ניט נאָר ניט פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן, נאָר איז געוואָרן אַלץ ערגער. זייער מאַטעריעלע לאַגע איז אָפֿט געווען דורכאויס אָפּהענגיק פֿון אויסערלעכע סיבות, און ווען אין יאָר 1930 זיינען שטאַרק רעדוצירט געוואָרן אָדער זיינען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן די סובווענצן פֿון „דזשוינט" אָדער „היאַס" איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פֿראַגעצייכן די עקסיסטענץ פֿון אַ ריי פּראָפֿעסיאָנעלע כּלל־טוער אין איניקע וויכטיקע געזעלשאַפֿטן אין פּוילן.

ס׳איז ניט געשאַפֿן געוואָרן קיין שום פֿאַראייניקונג פֿון די כּלל־טוער פּראָפֿעסיאָנאַלן. ס׳האָט זיך ניט אויסגעבילדעט קיין פֿעסטע קאָרפּאָראַציע פֿון סאָציאַלע טוער בײַ אונז (וועגן אויסבילדן נייע טוער האָט שוין געוויס קיין רייד ניט געקענט זיין). דערצו זיינען אונזערע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס אַליין צו שוואַך און אָן אַ פֿעסטן באָדן. זייערע פֿינאַנסיעלע יסודות זיינען גרעסטנטייל צופֿעליקע, געכאַפּט פֿון דער לופֿט, — און במילא איז דער מאַטעריעלער גרונט פֿון זייערע טוער אַ זאַמדיקער. און אויב בײַ איניקע צענטראַלע אינסטיטוציעס זיינען די ביוראָען לכל הפּחות וויפֿיל ניט איז געזיכערט דורך אויסטיילן פֿאַר זיך געוויסע סומעס פֿון די רעגירונגס־סובווענצן, זיינען די ביוראָען פֿון די פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען אינגאַנצן פֿאַרוואָרלאָזט און אויך זייער אייגענער צענטער טראַכט וועגן זיי זייער ווייניק, זיינענדיק פֿאַרשלונגען אינגאַנצן מיט זאָרגן וועגן זיין אייגענער עקסיסטענץ.

נאָך דער העראָישער אַרבעט פֿון די כּלל־טוער פּראָפֿעסיאָנאַלן בעת דער מלחמה און אירע נאָכווייענישן (ניט ריידנדיק וועגן דער אַרבעט פֿון פֿאַר דער מלחמה), און אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿון בויען און רעסטאַווראַציע ביז אין מיטן פֿון לעצטן צענדליק יאָר, האָט זיך די אַרבעט פֿון די יאָרן 1926—1930 און ווייטער אַלץ מער פֿאַרפֿלאַכט און פֿאַרקליינלעכט און אויב זי איז אַריין אין סטאַבילערע, רואיקערע פֿאָרמען פֿון טאָג־טעגלעכן געוויינלעכן לעבן האָט זי אַבסאָלוט ניט באַקומען קיינע שום סטאַבילערע און רואיקערע בודזשעט־מעגלעכקייטן אַפֿילו אין אָט די ענגערע גרענעצן.

און אונטער דער משא פֿון אָט די שטענדיקע זאָרגן, פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע אַנטוישונגען, איז אויך דער דריטער עלעמענט, קומענדיק צו דער „מאַכט", וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער דערדריקט און צובראָכן און ניט איינער פֿון זיינע פֿאַרטרעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ווייניק שטאַנדהאַפֿטיק אין די געזעלשאַפֿטלעכע פּרינציפּן.

די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט צום יאָר 1931 (די קהילות קען מען לאָזן אָן אַ זייט) הענגט פֿינאַנסיעל פֿולשטענדיק אין דער לופֿטן, זי האָט ניט קיינע שום געזיכערטע מאַטעריעלע מקורים (דער קליינער אויך ניט אַלע מאָל זיכערער פּראָצענט אונטערשטיצונגען מצד די זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען און אַ פּאָר רעגירונגס־סובווענצן ענדערן ניט שטאַרק דעם בילד) און דאַרף בסדר אָנקומען צו זאַמלונגען צווישן דער פֿאַראָרעמטער און אויסגעפּרעסטער יידישער באַפֿעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך אָדער אָרגאַניזירן זאַמלונגען דורך פֿאַרשיידענע שלוחים און משולחים אין אויסלאַנד, — אין אַלע טיילן פֿון דער וועלט. און אויף דעם געביט האָבן אַ פּאָר צענטראַלע געזעלשאַפֿטן אַפֿילו שוין אויסגעבילדעט פּאַך־לייט, ספּעציאַליסטן פֿון צדקה־זאַמלונגען.

פֿון אַזאַ אומבאַשטימטן פֿינאַנסיעלן מצב ליידט די אַרבעט גופא, שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם דערנידעריקנדן מאָראַלישן מצב, אין וועלכן די טוער און די אַרבעטער געפֿינען זיך בײַ אַזאַ שטענדיקן סיסטעם פֿון אויסגעפֿינען מיטלען.

און כּל זמן די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט וועט ניט אַוועקגעשטעלט ווערן אויף געזינטערע פֿינאַנסיעלע יסודות, — אויף באַדייטנדע געזיכערטע סובווענצן פֿון דער מלוכה און זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען, אויף פֿעסטע רעגלמעסיקע אונטערשטיצונגען פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג און אויך אויף שטענדיקע ספּעציעלע פֿאָנדן (וואָס געוויסע טיילן פֿון דער אַרבעט זאָלן געפֿירט ווערן אויף די הכנסות פֿון די פּראָצענטן, וואָס די גרונט־קאַפּיטאַלן פֿון די דאָזיקע פֿאָנדן זאָלן אַריינברענגען), ווי אומעטום אין דער וועלט איז עס באַקאַנט און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך — קען ניט זיין קיין שום רייד וועגן אַ זיכערער סיסטעמאַטישער און פּראָדוקטיווער טעטיקייט.

דערווייל הענגט דער גורל פֿון דעם ווייט גרעסטן טייל כּלל־טוער פּראָפֿעסיאָנאַלן אין דער לופֿטן און די דורכגעפֿירטע אַנקעטע האָט אַנטבלויזט אַ גאַנצע ריי פֿאַקטן, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן געוואָרן נאָך נאַקעטער ווי פֿריער, ווייל די ווירקלעכקייט איז געוואָרן גראָער און אָרעמער.

מ. שאַליט.

* * *

אַנקעטע וועגן דער צאָל קינדער אין די שולן

פֿון ווילנע און געגנט אין לערניאָר 1929/1930

די אַנקעטע איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין די לעצטע חדשים 1929 און אין די ערשטע חדשים פֿון יאָר 1930 דורך דעם געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע מיט דער הילף פֿון דער רעדאַקציע פֿון איצטיקן „פּנקס" און האָט געהאַט דעם ציל פֿעסטצושטעלן די צאָל יידישע קינדער, וואָס לערנען זיך הן אין פֿאַרשיידענע מינים יידישע שולן (אויף יידיש און העברעאיש און פֿון אַלע ריכטונגען) והן אין פּוילישע שולן. זי איז דורכגעפֿירט געוואָרן באַזונדער פֿאַר דער פּראָווינץ און באַזונדער פֿאַר דער שטאָט ווילנע. אין דער פּראָווינץ איז די אַנקעטע דורכגעפֿירט געוואָרן מיט דער הילף פֿון די אָרטיקע „יעקאָ־פּאָ"־פֿאַרטרעטער, אין שטאָט ווילנע האָט געהאָלפֿן זאַמלען דעם מאַטעריאַל דער ה׳ נ. קאָסטעליאַנסקי.

אַלע ציפֿער און מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געבראַכט אין דער אַנקעטע, זיינען גענומען געוואָרן פֿון די ערשטע מקורים אויף אָן אָרט און ווערן צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט.

די צאָל יידישע קינדער אין די שולן פון 49 שטעט און שטעטלעך פון ווילנער געגנט (ווילנער און נאַוואַרעדקער וואָיעוואָדסטוועס), אויפן יסוד פון די באַקומענע גענוי אויסגעפילטע אַנקעטעס פון די דאָזיקע פונקטן, ווערט אילוסטרירט דורך דער פאָלגנדער טאַבעלע:

טאַבעלע № 1

צאָל יידיש׳ע קינדער אין די שולן פון ווילנער געגנט אין לערן-יאָר 1929 1930.

№	שטאָט	פאָלקס-שולן						מיטלשולן			צוזאַמען
		יס"ע	תרבות	ת"ת	רעליג.	חדרים	פוילישע פאָווס.	יידישע	העברי.	פוילישע	
1	איגנאַלינע	62	—	—	43	—	—	—	—	—	105
2	איוויע	60	—	—	260	—	10	—	—	—	330
3	איוועניעץ	—	50	50	—	—	60	—	—	—	160
4	אײשישאָק	—	—	—	100	15	20	—	—	—	135
5	איליע	—	—	—	—	45	49	—	—	—	94
6	אָלקעניק	—	—	—	74	—	20	—	—	—	94
7	אָלשאַן	—	80	—	—	—	—	—	—	—	80
8	אָסטרין	—	154	22	—	—	20	—	—	—	196
9	אָשמענע	40	1) 180	100	—	—	30	—	—	50	400
10	בעליצע	—	—	—	50	25	15	—	—	—	90
11	בראַסלאַוו	175	—	35	43	54	3	—	—	—	310
12	באַראַנאָוויטש	64	5) 90	95	—	3) 258	4) 334	—	—	2) 493	1334
13	דאָלהינאָוו	—	115	10	—	12	110	—	—	—	247
14	דאָקשיץ	—	112	—	—	78	205	—	—	—	395
15	דונילאָוויטש	70	—	—	42	—	6	—	—	—	6) 118
16	דעיוועניִשאָק	—	—	—	82	—	7) 4	—	—	—	86
17	דרויע	70	—	8) 15	—	8) 45	45	—	—	15	190
18	דאַווינעלישאָק	—	—	—	—	—	22	—	—	—	22
19	האָלובּיטש	—	—	28	—	—	61	—	—	—	89
20	האָראָדאָק	—	50	—	50	—	30	—	—	—	130
21	ת״רומשישאָק	40	64	—	—	—	—	—	—	—	104
22	הערמאַנאָוויטש	—	—	—	9) 35	—	105	—	—	—	140
23	וואָלאָזשין	—	120	—	—	—	30	—	—	—	150
24	וואָסילישאָק	—	105	43	—	16	30	—	—	—	194
25	וואָרניאַן	—	—	—	—	10) 15	20	—	—	—	35
26	ווילייקע	—	95	—	—	—	12	—	—	45	152
27	זאַסקעוויטש	—	—	—	—	—	11) 13	—	—	—	13
28	זשעלודאָק	96	—	12) 67	—	10	16	—	13) 1	13) 6	196
29	טראָב	—	—	—	65	15	10	—	—	—	90
30	טראָק	—	—	—	40	—	19	—	—	14) 2	61
31	לוזשקי	—	—	10	—	30	75	—	—	—	115
32	לידע	100	180	230	—	120	300	—	—	240	1170
33	ליובטש	—	—	—	80	25	41	—	—	—	148
34	לעבעדעוו	—	100	—	—	—	2	—	—	—	102
35	מאָלאָדעטשנע	—	60	—	—	4	8	—	—	39	111
36	מייטעגאָלע	—	—	—	—	23	16	—	—	—	39
37	מיר	23	—	162	—	—	15) 116	—	—	—	301
38	נאָוואָגרודאָק	—	250	30	—	81	63	—	—	120	543
39	ניי-ווילייקע	74	—	—	—	4	—	—	—	4	82
40	ניי-סווענציאַן	65	32	—	—	—	3	16) 1	16) 1	16) 2	104
41	סוועריזשען	—	17) 2	17) 1	—	18	36	—	—	—	57
42	פּאָסטאַוו	69	74	—	—	—	6	—	—	—	152
43	קימעלישאָק	—	—	—	—	18) 7	21	—	—	—	28
44	קענע	—	—	—	—	9	2	—	—	—	11
45	קריעווע	—	19) 19	10	—	—	5	—	—	—	34
46	ראַקאָוו	20) 3	105	—	12	20	46	1	2	3	192
47	רודזישאָק	—	—	—	30	—	8	—	—	—	38
48	שאַרקאָווטשיזנע	70	—	—	35	—	8	—	—	—	113
49	שטשוטשין	—	110	—	—	21) 20	46	—	—	—	176
	בסך-הכל	1.081	2.250	908	1.041	948	2.103	2	4	1.019	9.256
	%	11,7	23,2	9,8	11,3	10,3	22,7	0,0	0,0	11,7	100,0

---

1) חוץ דעם א גן-ילדים מיט 18 קינדער, העברעאישע אָוונט-קורסן 15. 2) נעו. „יהודיה", א פאָרבערייטונגס-שול פון דער גימנאַזיע עפּשטיין. 3) אין די חדרים, הגם זיי זיינען אַלע רעליגיעזע, זיינען איינגעפירט אין זיי אַלגעמיינע למודים אין א באַדייטנדער מאָס. 4) אין דעם 295 קינדער אין א ספּעציעלער פּאָוושעכנער שול פאַר יידישע קינדער. 5) פון דעם 210 קינדער אין דער גימנאַזיע עפּשטיין מיט דער פּוילישער אונטעריכטס-שפּראַך; 124 — אין א פּריוואַטער פּוילישער גימנאַזיע מיט רעגירונגס-רעכט; 114 — אין דער מלוכה-גימנאַזיע; 45 אין דער האַנדלס-שול ביי דער פּוילישער געזעלשאַפט „מאַציערז שקאָלנא". 6) גייען גלייכצייטיק אין דער יס"ע-שול אָדער פּוילישער פּאָוושעכנער. 7) חוץ דעם 8 געענדיקטע די יידישע שול. 8) אַלע קינדער פון שול-עלטער באַזוכן א שול. קיין אַנדערע לערן-אַנשטאַלטן זיינען נישטאָ. 9) פון די 35 געפינען זיך אין פּוילישע פּאָווס. 22. 10) 8 פון זיי באַזוכן די פּאָווס. שול. 11) דעם צווייטן האַלבן טאָג לערנען זיי ביי א פּריוואַטן לערער. 12) געמישטע שול תרבות—תלמוד-תורה—רעליגיעזע. 13) אין אַנדערע שטעט. 14) אין פּוילישער סעמינאַר. 15) אָוונט-קורסן פאַר 57 קינדער פון פּאָוושעכנע. 16) אין אַנדערע שטעט. 17) אין אַנדערע שטעט. 18) גייען אויך אין פּאָוושעכנע, אין חדר—אינאָוונט. 19) א יידישע פאָלקס-שול מיט געמישטע למודים. 20) אין אַנדערע שטעט. 21) גייען אויך אין פּאָוושעכנע.

פון דער טאַבעלע איז אַלזאָ צו זען, אַז אין די 49 פונקטן פון דער ווילנער פּראָווינץ מיט די 9.256 יידישע שול-קינדער לערנען זיך אין העברעאישע שולן צוויי מאָל מער קינדער ווי אין יידישע שולן און אַז אין פּוילישע שולן לערנען זיך כמעט אַזויפיל יידישע קינדער ווי אין די העברעאישע שולן. די אָנגערופענע העברעאישע און יידישע שולן זיינען אַלע געזעלשאַפטלעכע און וועלטלעכע.

אין רעליגיעזע שולן פון פאַרשיידענע מינים (מזרחי — „ועד המאוחד" אָדער „תחכמוני"; אַגודה — „יבנה" אָדער „חורב"; תלמוד-תורה; חדרים) לערנען זיך אויף דער פּראָווינץ כמעט אַ דריטל פון אַלע יידישע קינדער. דערביי איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז אויך די רעליגיעזע שולן זיינען געזעלשאַפטלעכע און דער חדר, אַלס פּריוואַטע אונטערנעמונג, ווערט אַלץ מער אָפּגעשטופּט אויפן לעצטן אָרט. די אונטעריכטס-שפּראַך אין די דאָזיקע שולן איז יידיש אָדער העברעאיש אָדער גאָר געמישט: יידיש-העברעאיש.

וואָס איז שייך דער מיטעלער בילדונג פון די יידישע קינדער אויף דער ווילנער פּראָווינץ באַזוכן זיי סך־הכל אַלע די פּוילישע מלוכהשע גימנאַזיעס (און באַראַנאָוויטש — אויך פּריוואַטע פּוילישע גימנאַזיעס). קיין יידישע אָדער העברעאישע מיטלשולן זיינען אויף דער ווילנער פּראָווינץ ניטאָ (געווען אַ יידישע גימנאַזיע פון יש"אָ אין סווענציאַן, זי האָט זיך אָבער מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פאַרמאַכט). אַ געוויסע צאָל עלטערן שיקן זייערע קינדער פון פּראָווינץ קיין ווילנע אין יידישע אָדער העברעאישע מיטלשולן. אויך די ווילנער יידישע און העברעאישע לערער-סעמינאַרן האָבן פיל תלמידים און תלמידות פון פּראָווינץ.

אַ גרויסע אַנטוויקלונג באַווייזן די פּוילישע מלוכהשע פאָלקסשולן („פּאָווסשעכנע") אויף דער פּראָווינץ, וואו אין דעם אַנקעטע-יאָר האָבן זיך געלערנט כמעט אַ פערטל פון אַלע יידישע שול-קינדער. דאָס איז אַ נייע ערשיינונג, וואָס איז אין די פריערדיקע יאָרן ניט געווען באַקאַנט אין ווילנער געגנט און וואָס האָט אַ טענדענץ בכדי זיך צו פאַרגרעסערן. דאָס דערקלערט זיך ניט נאָר דערמיט, וואָס אין די דאָזיקע שולן קאָסט ניט קיין שכר-לימוד (נאַטירלעך, אַ זייער וויכטיקער פאַקטאָר פאַר דער פאַראָרעמטער יידישער באַפעלקערונג), נאָר אויך מיט דער פּאָלאָניזאַציע, וואָס הויבט אָן צו לאָזן וואָרצלען אין ווילנע און ווילנער געגנט. צוזאַמען מיט די פּוילישע מיטלשולן (וואָס גיבן רעכט להיפוך צו די יידישע און העברעאישע מיטלשולן, וועלכע זיינען „פּריוואַטע" און אָן רעכט) באַטרעפן די יידישע קינדער אין די פּוילישע לערנאַנשטאַלטן אַ גאַנצן דריטל פון אַלע יידישע שול-קינדער.

אויף אַזאַ אופן באַטרעפן אין לערניאָר 1929/1930 אין די 49 פונקטן פון ווילנער פּראָווינץ די צאָל יידישע קינדער אין די יידישע און העברעאישע שולן — עפּעס מער ווי אַ 1/3; אין די רעליגיעזע שולן — עפּעס ווייניקער ווי אַ 1/3 און אין די פּוילישע שולן — אַ 1/3. אָבער אין די יידישע, העברעאישע און רעליגיעזע שולן צוזאַמען — 2/3 און דאָס ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די עלטערן מוזן ממש ברענגען גרויסע מאַטעריעלע קרבנות, דערהויפּט אין שווערע און ביטערע קריזיס-צייטן אין דאָרט, וואו די קינדער גייען אין יידישע אָדער העברעאישע מיטלשולן — אויך ריזיקירן מיט די מאַטורע-רעכט און מיט איבעריקע לערניאָרן און אָנשטרענגונגען, וואָס די קינדער דאַרפן פּטרן שוין נאָכן ענדיקן די רעכטלאָזע יידישע און העברעאישע גימנאַזיעס, אָנקומענדיק צוליב באַטורע אין די לעצטע קלאַסן פון פּוילישע גימנאַזיעס מיט רעכט. ניט האָבנדיק קיינע שום שטיצעס פון דער רעגירונג, ליידן, פון דער אַנדער זייט, די יידישע און העברעאישע שולן פון אַ פולשטענדיקן געלט-מאַנגל און די לערער ווערן איינפאַך פאַרהונגערט.

מען דאַרף אָבער פעסטשטעלן, אַז ניט אומעטום ווערט געפירט דער דאָזיקער הערואישער קאַמף פאַר די עקסיסטענץ פון דער יידישער אָדער העברעאישע שול. אין פיל ערטער גיבן די עלטערן פרייוויליק אָפּ זייערע קינדער אין פּוילישע שולן און אָט דאָס פּאָלאָניזירן זיך, צי אונטערן דרוק פון די אויסערלעכע מאַטעריעלע סיבות און פּריווילעגיעס צי אויך באַוואוסטזיניק צוליב תכלית-צוועקן און צופּאַסן זיך צו דער הערשנדער קולטור, איז געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג אויך אין ווילנער געגנט און מערקט זיך אַפילו אין שטאָט ווילנע, וואו דער קאַמף פאַר די יידישע שול איז שטאַרקער און אויסגעהאַלטענער ווי וואו ניט איז אַנדערשוואו אין פּוילן.

די ווייטערדיקע טאַבעלע נומ' 2 אילוסטרירט דעם מצב אין שטאָט ווילנע אין זעלבן לערניאָר 1929/1930:

טאַבעלע № 2

צאָל יידישע שול-קינדער אין דער שטאָט ווילנע אין לערניאָר 1929/1930.

שולן	צאָל קינדער	בסך-הכל	%
1. צ. ב. ק. (יש"אָ):			
2 קינדער-גערטנער	76		
9 פאָלקס-שולן	1.803		
2 גימנאַזיעס	230		
1 לערער-סעמינאַר	155	2.264	26,3
2. שול-קולט:			
1 קינדער-גאָרטן	20		
1 פאָלקס-שול	386	406	4,7
3. תרבות:			
1 קינדער-גאָרטן	25		
3 פאָלקס-שולן	376		
2 גימנאַזיעס	351		
1 לערער-סעמינאַר	165	917	10,6
4. תחכמוני:			
8 פאָלקס-שולן	1.548		
1 גימנאַזיע	292		
1 לערער-סעמינאַר	43	1.883	21,9
5. חורב:			
8 פאָלקס-שולן		491	5,7
6. פּוילישע:			
2 רעגירונגס-פאָלקס-שולן ספּעציעל פאַר יידישע קינדער	599		
16 אַלגעמיינע (פּאָווסשעכנע) רעגירונגס-פאָלקס-שולן	58		
1 פּריוואַטע פאָלקס-שול	42		
7 רעגירונגס-גימנאַזיעס	226		
8 פּריוואַטע גימנאַזיעס (מיט רעכט)	1.714	2.649	30,8
בסך-הכל		8.610	100

צו די טאַבעלן נומ׳ 1 און 2, ווי אויך צו די ווייטערדיקע, דאַרף מען קודם-כל באַמערקן, אַז יידישע שולן הייסן ביי אונז אַזעלכע, וואו די אונטערריכטס-שפּראַך איז — יידיש; העברעאישע — אַזעלכע, וואו די אונטערריכטס-שפּראַך איז העברעאיש; פּוילישע — וואו די אונטערריכטס-שפּראַך איז פּויליש, דערביי אַליין איינס צי די שולן געהערן צו דער מלוכה, צי זיי זיינען פּריוואַטע, צי זיי ווערן אָנגעפירט פון יידן צי פון ניט-יידן, צי פאַר יידן צי געמישט.

פון דער טאַבעלע נומ׳ 2 זעען מיר, אַז פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע שול-קינדער אין שטאָט ווילנע לערנען זיך אין די יידישע שולן כמעט אַזוי פיל ווי אין די פּוילישע און עפּעס מער ווי אין די רעליגיעזע. שטאַרק אָפּגעשטאַנען איז די צאָל קינדער אין די העברעאישע שולן, וואו זי איז דריי מאָל קלענער ווי אין די יידישע, אַ פּונקט פאַרקערטע ערשיינונג ווי אויף דער פּראָווינץ. דערצו דאַרף מען נאָך מוסיף זיין, אַז אין דער גרעסערער מערהייט פון די רעליגיעזע שולן (אין די תחכמוני-שולן, חוץ דריי, און אין די חורב-שולן) איז די אונטערריכטס-שפּראַך אויך יידיש. אין דריי שולן פון תחכמוני — העברעאיש. אין איניקע רעליגיעזע שולן — געמישט.

אויף אַזאַ אופן לערנען זיך אין שטאָט ווילנע אין די פּוילישע שולן 30,8 פּראָצ. פון אַלע יידישע שול-קינדער, אין די יידישע — 31 פּראָצ., אין די רעליגיעזע — 27,6 פּראָצ. און אין די העברעאישע — 10,6 פּראָצ. אין די יידישע און העברעאישע וועלטלעכע שולן צוזאַמען — 41,6 פּראָצ., אין די יידישע, העברעאישע און רעליגיעזע שולן צוזאַמען — 69,2 פּראָצ. קעגן די 30,8 פּראָצ. פון די פּוילישע שולן.

אין דעם אַנקעטע-יאָר זיינען נאָך געווען אין ווילנע אַ פּאָר פּריוואַטע העברעאיש-פּוילישע לערנאַנשטאַלטן מיט העכער הונדערט פופציק קינדער, וואָס זיינען ניט אַריין אין דער טאַבעלע, ווי דער לערער-סעמינאַר פון ד״ר טשאַרנאַ א. א., אַ פראַנצויזישער ליציי, וואו כמעט אַלע קינדער (אַ פּאָר צענדליק) זיינען יידישע און אַ ווייסרוסישע גימנאַזיע, וואו ס׳האָט זיך געלערנט 1 יידישע שילערין. אין די צוויי רוסישע און אין דער ליטווישער גימנאַזיע (וואָס האָבן ניט קיין רעכט) איז קיין יידישע שילער ניט געווען. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דער פּוילישער פּריוואַטער גימנאַזיע מיט רעגירונגס-רעכט אויפן נאָמען פון טשאַצקי האָט מען געקענט פעסטשטעלן די צאָל יידישע קינדער נאָר לויט דער רובריק „רעליגיע". די נאַציאָנאַליטעט האָבן דאָס רוב פון די 25 יידישע קינדער אָנגעגעבן פּויליש און אַ פּאָר אַפילו רוסיש.

ס׳איז נאָך אינטערעסאַנט אָנצוגעבן איניקע אַלגעמיינע ציפער וועגן די פּוילישע שולן אין ווילנע, פון וועלכע ס׳איז ניט אָן שוועריקייטן אויסגעקומען פעסטצושטעלן די סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די יידישע קינדער, וואָס זיינען געבראַכט אין דער טאַבעלע נומ׳ 2, פּונקט 6.

בסך-הכל זיינען אין דעם אַנקעטע-יאָר געווען אין ווילנע 38 פּוילישע רעגירונגס-פאָלקסשולן (פּאָווששעכנע) מיט אַן אַלגעמיינער צאָל קינדער 12.300.

חוץ דעם 4 ספּעציעלע פּאָווששעכנע שולן, פון זיי איז איינע פאַר מאָראַליש-פאַרנאַכלעסיקטע קינדער (93, אַלע יינגלעך); די צווייטע — פאַר גייסטיק-אָפּגעשטאַנענע קינדער (102 יינגלעך און מיידלעך); די דריטע — פאַר טויב-שטומע קינדער (44 יינגלעך און מיידלעך) און די פערטע — פאַר בלינדע קינדער (10). די ספּעציעלע שול 1 האָט אַן אינטערנאַט ביי דער שול, אין די ספּעציעלע שולן 2, 3 און 4 זיינען קיין אינטערנאַטן ניטאָ. יידישע קינדער איז פאַראַן נאָר 1 אין דער ספּעציעלער שול נומ׳ 2.

פון די 38 פּאָווששעכנע זיינען פאַראַן יידישע קינדער נאָר אין 17 שולן, צוזאַמען מיט דער 1 ספּעציעלער — אין 18. פון די 657 קינדער, וואָס באַזוכן די 18 שולן זיינען גאַנצע 91 פּראָצ. אין די צוויי פּאָווששעכנע פאַר יידישע קינדער (599=157+442) און די איבעריקע 9 פּראָצ. ווערן פונאַנדערגעטיילט אויף פאָלגנדן אופן: פּאָווששעכנע נומ׳ 1 — 5 יידישע קינדער; נומ׳ 2 — 5; נומ׳ 3 — 4; נומ׳ 4 — 1; נומ׳ 9 — 3; נומ׳ 11 — 1; נומ׳ 14 — 2; נומ׳ 15 — 7; נומ׳ 17 — 1; נומ׳ 19 — 4; נומ׳ 22 — 7; נומ׳ 24 — 1; נומ׳ 31 — 5; נומ׳ 32 — 1; נומ׳ 37 — 11. דער אַלגעמיינער פּראָצענט יידישע קינדער אין די פּאָווששעכנע איז 5,3 און אויב מען זאָל ניט רעכענען די צוויי „יידישע" פּאָווששעכנע — 0,5 פּראָצענט.

אַזוינערופענע פּריוואַטע פאָלקסשולן זיינען, לויט די אָפיציעל-באַקומענע ידיעות, פאַראַן אין ווילנע 54, דערפון 38 יידישע, 12 פּוילישע, 2 ליטווישע, 1 דייטשע און 1 מיט דער פראַנצויזישער שפּראַך (ליציי).

מלוכה-גימנאַזיעס זיינען פאַראַן אין ווילנע 7 מיט אַן אַלגעמיינער צאָל קינדער 2.344 (1.607 יינגלעך און 737 מיידלעך), פון זיי 266 יידן (170 יינגלעך און 56 מיידלעך) אָדער 9,6 פּראָצ.

אין די פּריוואַטע גימנאַזיעס מיט דער פּוילישער אונטערריכטס-שפּראַך און מיט רעכט זיינען אין דעם גרעסטן טייל פון זיי אַלע קינדער יידישע און אין איניקע כמעט אַלע יידישע אָדער די ווייט גרעסטע מערהייט. בלויז אין איינער זיינען יידישע קינדער אין אַ מינדערהייט.

דער ערשטער, וואָס האָט געעפנט אַ פּוילישע גימנאַזיע פאַר יידישע קינדער אין ווילנע (מיט איניקע שעה אין וואָך העברעאיש און יידישע געשיכטע אויף העברעאיש), איז געווען דער געקומענער פון גאַליציע קיין ווילנע אין יאָר 1919 ה׳ חיים עפּשטיין (דערנאָך זיינען אָנגעקומען אַ גאַנצע ריי אַנדערע). אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אויך געעפנט אַזאַ גימנאַזיע אין באַראַנאָוויטש. די איבעריקע פּריוואַטע גימנאַזיעס זיינען לכתחילה געווען אויף רוסיש, דערנאָך זיינען זיי אַלע אַריבער אויף פּויליש און האָבן באַקומען מאַטורע-רעכט. אַלס איינאַרטיקע ווילנער ערשיינונג איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס אויך אין די דאָזיקע גימנאַזיעס ריידן די קינדער צווישן זיך גרעסטנטיילס אויף יידיש. און אין איניקע פון זיי לערנט מען אַ פּאָר שעה אין וואָך יידישע ליטעראַטור און געשיכטע אויף יידיש. די באַציאונג צו די גימנאַזיעס מצד די עלטערן איז אַ בולט-פּראַקטישע און האָט קודם-כל אין זינען תכלית-צוועקן. לויט דער צאָל קינדער גייט אויפן ערשטן אָרט די גימנאַזיע פון ה׳ עפּשטיין — 570, דערנאָך גייען די איבעריקע גימנאַזיעס מיט אַ צאָל קינדער פון 270, 252, 216, 166, 103 און 107. איינע פון די פּריוואַטע גימנאַזיעס מיט 108 קינדער, וואָס האָט לכתחילה געלערנט אויף יידיש און האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַריבערצוגיין אויף פּויליש, האָט זיך שפּעטער געשלאָסן.

כדי צו דערגאַנצן די טאַבעלעס נומ׳ 1 און 2 איז נאָך כדאי צו ברענגען די רשימות פון די קינדער לויט איינצלנע צענטראַלעס אין דעמזעלבן אַנקעטע-יאָר:

טאַבעלע № 3

צאָל קינדער אין די שולן פון ישׂ״אַ
אויף דער ווילנער פּראָווינץ
אין לערניאָר 1929/1930.

1. אָשמענע — 60; 2. איגנאַלינע — 65; 3. איוויע — 65; 4. בראַסלאַוו — 195; 5. גלובאָקע — 200; 6. דאָקשיץ — 35; 7. דונילאָוויטש — 75; 8. דוקשט — 55; 9. דיסנע — 180; 10. דרויע — 120; 11. האָראָ-

דישטש — 60; 12. היידוצישאָק — 40; 13. ווידז — 65; 14. זשעלודאָק — 120; 15. לידע — 75; 16. ניי-ווילייקע — 70; 17. ניי-סווענציאַן — 6; 18. סווענציאַן — 170; 19. פאָסטאַוו — 70; 20. שאַרקאָוושטשיזנע — 70; שטשוטשין — 60. בסך-הכל 1.915 קינדער.

טאַבעלע № 4

צאָל קינדער אין די שולן פון „תרבות" אויף דער ווילנער פראָווינץ אין לערניאָר 1930/1929.

1. אַשמענע — 190; 2. אָסטרין — 93; 3. איוועניעץ — 61; 4. בורסלאַוו — 30; 5. דאָלהינאָוו — 110; 6. דעווענישאָק — 59; 7. האָלשאַן — 52; 8. האָראָדאָק — 50; 9. היידוצישאָק — 53; 10. ווילייקע — 45; 11. וואַסילישאָק — 91; 12. וואָלאָזשין — 120; 13. דרויסק — 36; 14. לידע — 126; 15. לעבעדעווע — 70; 16. מאָלאָדעטשנע — 58; 17. נאָוואָגרודאָק — 228; 18. ניי-סווענציאַן — 38; 19. סווענציאַן — 115; 20. סמאָרגאָן — 95; 21. סאָל — 36; 22. פאָסטאַוו — 64; 23. פאָדבראָדז — 73; 24. קירעניעץ — 55; 25. קאָזיאַן — 33; 26. ראַקאָוו — 65; 27 שטשוטשין — 52. בסך-הכל 2.101 קינדער.

צו די טאַבעלן נומ׳ 3 און 4 דאַרף מען באַמערקן, אַז די ציפער און די פונקטן פאַלן ניט אינגאַנצן צונויף מיט די ציפער און פונקטן פון דער טאַבעלע נומ׳ 1, ווייל די טאַבעלע נומ׳ 1 איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון די אויספאָרשונגען פון אונזערע קאָרעספאָנדענטן און פאַרטרעטער אויף די ערטער און די ידיעות פאַר די טאַבעלן נומ׳ 3 און 4 האָבן אונז געגעבן די שול-צענטראַלעס אין ווילנע. חוץ דעם האָבן מיר פון אייניקע פונקטן, וואָס זיינען אָנגעגעבן ביי די צענטראַלעס, ניט באַקומען קיין נייטיקע מאַטעריאַלן פון די ערטער און זיי זיינען דורכגעלאָזן אין דער טאַבעלע נומ׳ 1, וועלכע איז אָבער אין אַלע איבעריקע פרטים פיל גענויער און פולער.

טאַבעלע № 5

די שולן פון צ. ב. ק. (צענטראַלער בילדונגס-קאָמיטעט, אָנגעשלאָסן אָן יש"אָ) אין ווילנע אין לערניאָר 1930/1929:

1. קינדער-גאָרטן א. נ. פון ב. באָראָכאָוו — 50 קינדער; 2. קינדער-גאָרטן אויף פאָהולאַנקע 18 — 26; 3. פאָלקסשול ביי דער מאַטעמאַטיש-נאַטורוויסנשאַפטלעכער גימנאַזיע — 99; 4. פאָלקסשול ביי דער הומאַניסטישער גימנאַזיע — 40; 5. פאָלקסשול א. נ. פון י. דינעזאָן — 137; 6. פאָלקסשול א. נ. פון שלום-עליכם — 220; 7. פאָלקסשול א. נ. פון ש. פרוג — 447; 8. פאָלקסשול א. נ. פון ד. קופערשטיין — 305; 9. פאָלקסשול א. נ. פון ל. גורוויטש — 236; 10. פאָלקסשול „מפיצי-השכלה" — 289; 11. פאָלקסשול „גרינינקע ביימעלעך" — 30; 12. מאַטעמאַטיש-נאַטורוו. גימנאַזיע, הומאַניסטישע גימנאַזיע — 230; 13. יידישער לערער-סעמינאַר — 155. בסך-הכל 2.264 קינדער.

טאַבעלע № 6

די שולן פון „תרבות" אין ווילנע אין לערניאָר 1930/1929.

1. לערער-סעמינאַר — 165 קינדער; 2. פאָלקסשול, זאַוואַלנע 21 — 194; 3. פאָלקסשול, פאָהולאַנקע 7 — 85; 4. פאָלקסשול, זאַוואַלנע 4 — 97; 5. גימנאַזיע „עברית" — 289; 6. רעאַל-גימנאַזיע — 63; קינדער-גאָרטן — 25. בסך-הכל 917 קינדער.

טאַבעלע № 7

די שולן פון „תחכמוני" אין ווילנע אין לערניאָר 1930/1929.

1. גימנאַזיע „תושיה" — 292 קינדער; 2. פאָלקסשול „עזרא" — 394; 3. פאָלקסשול פאַר מיידלעך א. נ. פון הרבנית אסתר רובינשטיין — 205; 4. תורת אמת — 256; ת"ת העירוני — 185; 6. בית יהודה — 103; 7. ת"ת המאוחד — 75; 8. „מזרחי" א. נ. פון פערלמאַן — 180; 9. „מזרחי" א. נ. פון שאַפירא — 43. בסך-הכל 1883 קינדער.

טאַבעלע № 8

די שולן פון „חורב" אין ווילנע אין לערניאָר 1930/1929.

1. שול № 45 — 20 קינדער; 2. שול № 46 — 30; 3. שול № 47 — 40; 4. שול № 48 — 23; 5. שול № 49 — 48; 6. שול № 50 — 60; 7. שול № 51 — 150; 8. שול № 52 — 120. בסך-הכל 491 קינדער.

פון די טאַבעלן 5, 6, 7 און 8 איז צו זען, אַז דעם ערשטן אָרט אין ווילנע פאַרנעמען (ניט רעכענענדיק די פוילישע שולן) די יידישע וועלטלעכע שולן, אויפן צווייטן אָרט גייען די „מזרחי"-שולן, אויפן דריטן אָרט — „תרבות", אויפן פערטן אָרט — די „חורב"-שולן. צום סוף דאַרף מען נאָך צורעכענען די לערנאַנשטאַלטן פון דער נייער צענטראַ-„שולקולט" מיט אירע 405 קינדער. צוזאַמען האָבן די פינף צענטראַלעס 5.936 קינדער און פראָצענטועל וועט די פאַרהעלטעניש זיין פאָלגנדע: צ. ב. ק. — 38,2 פראָצ.; „תחכמוני" — 31,7 פראָצ.; „תרבות" — 15 פראָצ.; „חורב" — 8,3 פראָצ.; „שולקולט" — 6,8 פראָצ.

וואָס איז שייך די דאַטן פון די רעליגיעזע צענטראַלעס וועגן זייערע שולן אויף דער פראָווינץ באַזיצט די רעדאַקציע באַקומענע פון זיי מאַטעריאַלן, וואָס זיינען אָבער ניט גענוג פרעציזירט, אַז מען זאָל זיי קענען גענויער באַאַרבעטן און פאַרעפנטלעכן. אויך דער כאַראַקטער פון די דאָזיקע שולן איז אַ ניט גענוג פעסטגעשטעלטער. חוץ דעם פרעטענדירן דאָ אויף איינע און דיזעלבע שולן אייניקע צענטראַלעס, אָדער אַ ריי פון די שולן האָבן בכלל ניט קיין געניגנדן באַגריף וועגן אַ צענטראַלע און געהערן גיכער צום טיפ פון פריוואַטע חדרים. די דאַטן גופא זיינען נאָר אומגעפערע. מיר גיבן דאָ אַלזאָ בלויז אָן די סומאַרע ציפער פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן מיט די אויבן-באַצייכנטע באַוואָרענישן.

לויט די מאַטעריאַלן, אַלזאָ, וואָס מיר האָבן באַקומען פון ווילנער „חורב" (וועלכע איז אַ צענטראַלע פאַר די מזרח-קרעסן), האָט די דאָזיקע צענטראַלע פאַרמאָגט אין דעם אַנקעטע-יאָר 152 רעליגיעזע פאָלקסשולן (אָדער חדרים) אין 152 פראָווינציעלע (ד. ה. אָן דער שטאָט ווילנע) שטעט און שטעטלעך פון ווילנער, נאָוואָגרודקער, ביאַליסטאָקער, פאָליעסער און וואָלינער וואָיעוואָדסטוועס, מיט אַן אַלגעמיינער צאָל פון 16.499 קינדער (שפעטער האָט נאָך „חורב" צוגעשטעלט אַ הוספה-רשימה פון 54 פונקטן מיט 3.115 קינדער). די ווילנער צענטראַלע „תחכמוני" האָט אָנגעגעבן אין ווילנער פראָווינץ בלויז 4 רעליגיעזע פאָלקסשולן מיט 283 קינדער אין 4 פונקטן פון ווילנער וואָיעוואָדסטווע. די צאָל קינדער אין די שולן פון „תחכמוני" און „חורב" אין ווילנע, ווי די פראָפאָרציע איז אַ פאַרקערטע (4 קעגן 1), איז אָנגעגעבן אין דער טאַבעלע נומ׳ 2.

צום סוף וועלן מיר נאָך ברענגען די דאַטן וועגן די ישיבות, וואָס מיר האָבן אין אַנקעטע-יאָר באַקומען פון ועד-הישיבות אין ווילנע. די דאַטן ווערן געבראַכט אין דער פאָלגנדער טאַבעלע נומ׳ 9:

טאַבעלע № 9

די ישיבות אין יאָר 1930/1929.

גרויסע ישיבות:

1. בריסק, „תורת-חסד" — 112 תלמידים; 2. באַראַנאָוויטש, „אוהל תורה" — 206, „תורת חסד" — 64; 3. ביאַליסטאָק, „בית יוסף" — 210, „בית אולפנא" — 71; 4. גראָדנע, „שער התורה" — 170; 5. וואָלאָזשין, „עץ חיים" — 55; 6. ווילנע,

„ראַמיילעס” — 170; 7. לאָמזשער — 238; 8. מירער — 350; 9. מעזריטש, „בית יוסף” — 186; 10. נאָוואָגרודאָק, „בית יוסף” — 50; 11. סלאָנימער — 205; 12. פּינסק, „בית יוסף” — 160; 13. קאַמעניעץ-ליט., „כנסת בית יצחק” — 122; 14. קאָברינער — 107; 15. קלעצק, „עץ חיים” — 149; 16. ראַדין, „חפץ חיים” — 248. בסך-הכל 2.873.

קליינע ישיבות:

1. אײשישקער — 21 תלמידים; 2. אשמענער — 50; 3. איוויער (פּרוזשאַן) — 103; 4. בראַסלאַווער — 46. 5. בריינסקער — 97; 6. ביעלסקער — 50; 7. באַראַנאָוויטש, „אוהל תורה” — 71, „תורת חסד” — 120; 8. גראָדנער — 78; 9. גלובאָקער — 25; 10. ווילנע, „תומכי תמימים ליובאַוויץ” — 60; 11. זעמבראָווער — 84; 12. זשעטלער — 34; 13. וויסאָקי-מאַזאָוויעצער — 61; 14: טשעכנאָוויצער — 45; 15. לידער — 24; 16. ליובעשער — 30; 17. ליאַכאָוויטשער — 49; 18. לונינעצער — 15; 19. מירער — 76; 20. נאָוואָגרודקער — 87; 21. סעמיאַטיטשער — 30; 22. סטאָלינער — 35; 23. סווּיסלאָטשער — 30; 24. סקידלער — 38; 25. קאָלנער — 26; 26. קאָסאָוו-פּאָליעסער — 49; 27. קאָברינער — 38; 28. קלעצקער — 54; 29. ראָזשינאָיער — 54; 30. ראַדונער — 55; 31. ראַקאָווער — 40. בסך-הכל 1,735 תלמידים.

ישיבות אויף וואָלין:

1. אַלעקסאַנדריער — 60 תלמידים; 2. ראָוונער — 250; 3. לוצקער — 278; 4. וולאָדימיר-וואָלינסקער — 138; 5. ווישניעוועצער — 52; 6. דובראָוויטשער — 53; 7. סאַרנער — 38; 8. קאָרעצער — 160. בסך-הכל 1.029 תלמידים.

די צאָל תלמידים אין אַלע ישיבות:

18 גרויסע ישיבות — 2.873 תלמידים; 32 קליינע ישיבות — 1.735; 8 ישיבות אויף וואָלין — 1.029. בסך-הכל אין די 52 ישיבות — 5.637 תלמידים.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנקעטע און מיט אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ענינים האָבן צוויי פאָרשטייער פון „יעקאָפּאָ” באַזוכט דעם 10 אָקטאָבער 1929 די מירער ישיבה און האָבן דאָרט פאַרבראַכט אַ מעת-לעת.

אַז מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין שטעטל אַוונטצייט, האָבן מיר שוין פונדערווייטן דערזען די העל-באַלויכטענע פענסטער פון דעם גרויסן הילצערנעם בנין פון דער ישיבה מיט דעם איין זייער גרויסן זאַל, וואו אַלע לערנען צוזאַמען און די ניגונים האָבן זיך געטראָגן ווייט איבערן שטעטל. ס'איז געווען ערב די יומים-נוראים און צוליב דעם זיינען זיך צונויפגעפאָרן קיין מיר אויף אַ פּאָר וואָכן פיל מער לערנער ווי געוויינלעך און אין דער ישיבה האָבן מיר דאַן געפונען איבער 400 יונגע מענטשן, וואָס האָבן געלערנט און געדאַוונט מיט גרויס עקסטאַז. ס'האָט אויך איבערראַשט די אויסגעהאַלטענע דיסציפּלין אין דער ישיבה, די פאַרהעלטניסמעסיקע ריינקייט, וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן ביי אַזאַ גרויסן עולם, וועלכער איז קאָנצענטרירט אין איין זאַל, די פּנימער פון פיל לערנער, וואָס זיינען ניט באַוואַקסן (באַנוצן דערצו אַ פּראָשעק), די באַהאַוונטקייט פון ניט ווייניק בחורים אין צייטונגען, פּאָליטיק און וועלט-געשעענישן און זייער היינטוועלטיקייט. אין פאָדערהויז וואַשט מען די הענט, רעכטס איז דער אַריינגאַנג אין זאַל און לינקס אין אַ זייטיקן צימער, וואו ס'געפינט זיך אַ גאַנץ באַדייטנדע רבנישע ביבליאָטעק און אין אַ שאַפע אַפילו אַן אייגענע אַפּטייקל. אין אַ צימער העכער איבער הילצערנע טרעפּ זאָגט דער משגיח פאַר גרופּעס לערנער מוסר.

אויפן הויף ווערט געבויט אַ גרויסער וואַסער מיט קאַנאַליזאַציע, וואָס דאַרף פאַרבעסערן די היגיענישע באַדינגונגען פון דער ישיבה. די אינוועסטיציעס דאַרפן קאָסטן היפּשע עטלעכע טויזנט דאָלאַר, אויף וועלכע אַ פּריוואַטער נדבן האָט געגעבן ביי אַ צוויי טויזנט דאָלאַר, דער „דזשוינט” האָט געגעבן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר און די איבעריקע ווערן געזאַמלט.

די ראשי הישיבה זיינען ר' יהודה פינקל (אַ זון פון דעם גרינדער און פריער פון סלאָבאָדקער און שפּעטער חברונער ישיבה ר' נטע הירש פינקל) און ר' אברהם-הירש קאַמאַי. דער משגיח איז ר' ירוחם לעוואָוויטש, וואָס האָט אַ נאָמען אַלס איינער פון די גרעסטע (נאָך דעם אויבנדערמאָנטן ר' נטע הירש פינקל, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק) מוסר-זאָגער אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט. מיר האָבן געהאַט געשפּרעכן מיט די ראשי הישיבה, מיטן משגיח און מיט אייניקע פון די לערנער. פיל האָט אונז מיטגעהאָלפן ביים באַזוך דער געוועזענער ראַקאָווער רב ר' אברהם קאַלמאַנאָוויטש (אויך געוועזן פאָרשטעער פון „יעקאָפּאָ” אין ראַקאָוו בעת די שווערע הימלאָזע-צייטן), וואָס איז דער נשיא פון דער ישיבה.

פון די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען אין דער ישיבה, שטעלט זיך אַרויס, אַז די לערנער קומען זיך צונויף פון דער גאַנצער וועלט. דער גרעסטער טייל פון זיי איז פון קאָנגרעס-פּוילן, גאַליציע, קרעסן און שלעזיע, דערנאָך זיינען פאַראַן פיל פון סאָוועט-רוסלאַנד, צוויי צענדליק זיינען פון דייטשלאַנד, פיל פון אַמעריקע. דערנאָך זיינען פאַראַן פון טשעכיע, עסטרייך, ענגלאַנד, אונגאַרן, בעלגיע א.א. פון דייטשלאַנד זיינען פאַראַן אַפילו צוויי דאָקטוירים; פון ווילנע אַ סטודענט פון אוניווערסיטעט; ס'זיינען פאַראַן נאָך עטלעכע מיט העכער און מיטלער בילדונג. אַ סך זיצן אָפּ אין דער ישיבה לאַנגע יאָרן. ס'זיינען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פון דער ישיבה רייך חתונה געהאַט, האָבן באַקומען אַ טייל אין דעם שווערס געשעפטן און האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין דער ישיבה לערנען אויף געוויסע צייטן. אַנדערע גיבן אָפּ דער ישיבה זייער נדן אויף דעפּאָזיט און העלפן איר דערמיט אַרויס אין שווערע צייטן.

דער גרעסטער טייל פון די לערנער זיינען שטאַרק נויטבאַדערפטיק אָדער אַפילו אָרעם און קענען ווייניק באַקומען פון דער היים. בלויז אַ פּאָר צענדליק נויטיקן זיך ניט אין דער מאַטעריעלער הילף פון דער ישיבה. לויט דעם גראַד נויטבאַדערפטיקייט באַקומען די בחורים חודשדיקע אונטערשטיצונגען פון דער ישיבה בערך לויט דער פאָלגנדער רשימה: 150 בחורים באַקומען פון דער ישיבה פון 10 ביז 12 דאָלאַר אַ חודש; 100 — פון 8 ביז 10 דאָלאַר; 80 — פון 6 ביז 8 דאָלאַר; 20 — נאָרנים. אַ לערנער פאַרלעבט דורכשניטלעך 15 דאָלאַר אַ חודש. אויף אַזאַ אופן קומט אַריין אין שטעטל איבער 5.000 דאָלאַר אַ חודש, — און די גאַנצע שטעטל איז שטאַרק אָנגעוויזן אויף דער ישיבה, פון וועלכער זי ציט חיונה. די ישיבה גופא באַקומט אירע געלטער פון זאַמלונגען איבער דער וועלט, אַמעריקאַנער שטיצע, פון נותנים אין פּוילן און פון ועד-הישיבות (פון לעצטן בערך 200 דאָלאַר אַ חודש). דער גאַנצער בודזשעט פון דער ישיבה איז בערך 3.500 ביז 4.000 דאָלאַר אַ חודש, פון דעם באַטרעפן די אַדמיניסטראַטיווע הוצאות פון 500 ביז 600 דאָלאַר אַ חודש.

די מירער ישיבה רעכנט זיך איצט פאַר די גרעסטע אין דער וועלט. נאָך איר גייט די ראַדונער ישיבה פון חפץ חיים. ביידע זיינען אין ווילנער געגנט.

אויפן פּלאַן פון די יידישע און העברעאישע וועלטלעכע שולן אין ווילנער געגנט און דער נייער, מאָדערנער

יידישער קולטור, וואס שטראמט פון ווילנע, ווארפן די ישיבות אויסטערלישע כייערלעך און ס׳באקומט זיך א געמיש פון אלטער און נייער יידישקייט, רעליגיעזע טראדיציעס און פרייער דערציאונג, נאציאנאל - אוניווערסאלער און פרום-ארטאדאקסישער אויסבילדונג, וואס נייען מיט באזונדערע וועגן און באגעגענען זיך אין ערגעץ ניט. דער קאמף קומט שוין פאר אחוץ די ווענט פון די אנשטאלטן — שוין אין לעבן גופא.

מ. שאליט.

פארשיידענע אנדערע אנקעטעס.

חוץ די געניטע אויבן-געבראכטע רעזולטאטן פון די אנקעטעס וועגן כללי-טוער פראפעסיאנאלן און צאל קינדער אין די שולן האט נאך „יעקאפא״ אין די יארן 1919—1930 דורכגעפירט א גאנצע ריי אנדערע אנקעטעס און פארשונגען, וואס האבן איר געדינט אלס יסוד צו איר פארצווייגטער הילף- און אויסבוי-טעטיקייט.

מיר ווילן דא דערמאנען די וויכטיקסטע פון זיי:

1) געליטענע פון די פאגראמען און צוזאמענהאנג מיט געבן יורידישע הילף. 2) היזקות פון מלחמה. 3) היימלאזע און רעפאטריאנטן. 4) חרוב-געווארענע פון דער מלחמה הייזער און בנינים. 5) אויפבוי-מעגלעכקייטן און רעקאנסטרוקציע. 6) לאנדווירטשאפט (ז. 350). 7) קאאפעראציע. 8) עמיגראציע-ענינים. 9) מעדיציניש - סאניטארער מצב. 10) יתומים-רעגיסטראציעס. 11) מלאכה און פאך-בילדונג. 12) שול-וועזן. 13) ביבליאטעקן (ז. 343). 14) עקאנאמישע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אויף דער פראווינץ (ז. 306). 15) גמילות חסדים-קאסעס. 16) דער הונגער אין ווילנער געגנט אין יאר 1929 (ז. 359, 451). 17) באשפייזונג פון שול-קינדער. 18) איינצלנע שטעטלעך, ישובים און פונקטן.

די רעזולטאטן פון א ריי פון די דאזיקע אנקעטעס און פארשונגען זיינען געבראכט אין די באטרעפנדע ארטיקלען פון פנקס.

רעד.



די לערנער פון דער גרויסער ישיבה אין שטעטל מיר, ווילנער געגנט.

צו דער אנקעטע וועגן לאנדווירטשאפט אין יאר 1919.

ווי ס׳איז אנגעוויזן אויבן (ז. 350) איז שוין אויף דער ערשטער קאנפערענץ פון „יעקאפא״ אין סעפטעמבער 1919 געלייענט געווארן א רעפעראט וועגן דער לאגע אין די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניעס פון ווילנער געגנט און וועגן דער הילף פון „יעקאפא״ פאר א ריי פון זיי.

די אנקעטע, וואס איז דאן דורכגעפירט געווארן אויף די ערטער פון באפולמעכטיקטן פון געגנט-קאמיטעט, האט ארומגענומען 11 יידישע קאלאניעס און צוליב דעם אינטערעס פון דער זאך, ברענגען מיר דא פון דעם באריכט פון דער ערשטער קאנפערענץ דעם אויסצוג (א ביסל פארקירצט) וועגן די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניעס:

— י. וואלק: די פראגע וועגן די יידישע קאלאניעס איז זייער א וויכטיקע און זי מוז געניי באטראכט ווערן. די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניעס אין ווילנער גובערניע האבן שוין הינטער זיך א געשיכטע פון 80 יאר און זיי בילדן א וויכטיקן פאקטאר אין יידישן לעבן. אין אונזער געגנט געפינען זיך 32 יידישע קאלאניעס און ישובים, וועלכע האבן 4,095 דעסיאטין ערד מיט א באפעלקערונג פון בערך 2,390 נפשות.

אין די יארן 1898—1899 האט יק״א זיך פאראינטערעסירט מיט די קאלאניעס. ערשטנס, האט זי אהין דעלעגירט אגראנאמען און פאכלייט, וועלכע האבן גרינטלעך אויסגעשטודירט די לאגע אויפן ארט. צווייטנס, האט זי זיי געגעבן ממשותדיקע הילף: אויסגעליען גרויסע סכומען געלט אויף צו קויפן דעם נויטיקן אינווענטאר, סעדער וכדומה. איצט זיינען די קאלאניעס אנגעוויזן אויף דעם געגנט-קאמיטעט „יעקאפא״.

קודם-כל איז נויטיק צו באטראכטן די שוין אויבנגעסארטע פאלגנדע 11 קאלאניעס און ישובים:

קאלאניע	געגרינדעט	אין יאר				אין יאר	
		1898		1919		1898	1919
		משפחות	נפשות	משפחות	נפשות	ערד דעסיאטין	
גור . . .	1854	10	57	5	31	66	66
באריסאווקע	1851	17	103	13	83	122	100
רעקסנע	1847	29	169	40	212	336	800
לייפוני .	1847	25	134	26	93	424	294
פאנעפיעקי	1849	17	158	22	99	418	299
לייבישעק .	1854	21	103	17	112	208	180
אנדריעאליסקי	1854	14	64	11	63	139	120
יעזעפינאפאל	1853	6	36	4	24	63	138
ניכסריך .	1852	—	—	23	154	—	209
פירזווינקע	1854	1	—	2	16	31	28
גיליליפקע .	1851	1	6	2	12	70	40

פון די אויבנדערמאנטע קאלאניעס האבן די ערשטע 5 שוין באקומען שטיצע פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא״. ס׳זיינען דארט געגרינדעט געווארן קאמיטעטן, וועלכע זיינען פאראנטווארטלעך און פירן אן מיט דער ארבעט.

פאר דער צייט פון מלחמה האבן די קאלאניסטן איבערגעטראגן אויף זיך אייניקע גירושים, ווייל ס׳איז א לענגערע צייט דארט געווען דער פראנט, נאר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האבן זיי זיך אומגעקערט צו זייער האב און גוטס.

פון דער צייט פון גרינדן די קאלאניעס ביז 1898—1899 יאר איז געווען א צווואוקס פון דער באפעלקערונג אין די 11 קאלאניעס און ישובים פון 80 משפחות אויף 161, אדער 979 נפשות. ערד אבער האבן זיי אין יאר 1898—1893 פארמאגט 2,591 דעסיאטין און אין יאר 1919 נאר 2,248, דהיינו מיט 343 ווייניקער, ניט האבנדיק קיין מעגלעכקייט צו באארבעטן די גאנצע ערד, זיינען אנדערע געווען געצוואונגען צו פארקויפן שטיקלעך ערד ארומיקע קריסטן.

די לעצטע צייט, צוליב דער שווערער עקאנאמישער לאגע, האבן זיך כמעט אין אלע שטעטלעך פון אונזער געגנט יידן גערן גענומען צו ערד-ארבעט. מ׳ארענדירט ערד און מען פארזייט מיט קארן וכדומה. פיל שטעטלעך פארמאגן צו 50—100 דעסיאטין ערד, וועלכע געהערן אויסשליסלעך צו יידן. בשעת מען רעדט וועגן פראדוקטיווער ארבעט דארף מען געדענקען, אז אין איצטיקן מאמענט איז די ערד-ארבעט די וויכטיקסטע פראדוקטיווע ארבעט, אויף וועלכע ס׳מוז געלייגט ווערן פיל אויפמערקזאמקייט.

דערצו איז איצט גראד א פאסנדער מאמענט צו קויפן ערד פאר ביליקע פרייזן. „יעקאפא״ דארף שטיצן די אלטע קאלאניעס און מוז שאפן נייע. זי דארף אנהייבן א גרויסע אקציע ביים באזארגן די קליינשטעטלדיקע יידן מיט זריעה און דארף לייגן פיל מי, אז א קליינשטעטלדיקער ייד זאל באארבעטן זיינע אייגענע דעסיאטינעס ערד, וועלכע ער פארמאגט.

רייידנדיק וועגן די קאלאניעס, מוז מען דערמאנען די ווירטשאפטלעכע קאלאניע „זשוראוויצי״ און די לאנדווירטשאפטלעכע שול „וועליטשאני״, וועלכע ליגן לעבן ווילנע און וועלכע האבן באשעפטיקט היי-יאר ביז 140—150 ארבעטער און תלמידים. ביידע האבן איין ציל: אויסבילדן א יידן, וועלכער זאל מנחם-מענדלס פרנסות אויסבייטן אויף אנדערע, בעסערע און בכבודיקערע: שאפן א געזונטן ערד-ארבעטער.

אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע האט זיך שוין געפילט א גרויסער דראנג פון יידן צו ערד-ארבעט. די דייטשן האבן אין דעם זין געהאט א גרויסע השפעה. די עקאנאמישע לאגע ווי געזאגט, האט דעם דראנג נאך מער פארשטארקט. דאס איז איינע פון די וויכטיקסטע געזעלשאפטלעכע ארבעטן און „יעקאפא״ דארף העלפן די קאלאניעס און ישובים צו אנטוויקלען זיך אין א גרויסן מאסשטאב.״—

אויף וויפיל ס׳איז געווען מעגלעך האט „יעקאפא״ געשטיצט די יידישע קאלאניעס, ווי אויך דעם לאנדווירטשאפטלעכן קאאפעראטיוו „זשוראוויצי״ און די לאנדווירטשאפטלעכע שול און קאלאניע „וועליטשאני״. וועגן דעם איז שוין גערעדט געווארן גענויער אויף ז. 350—351. „זשוראוויצי״ האט ניט לאנג אויסגעהאלטן. „וועליטשאני״ האט עקסיסטירט לענגער, אבער האט זיך אויך געמוזט פארמאכן, דער עיקר צוליב אויסערלעכע און אומאפהענגיקע סיבות.

די הילף פאר די יידישע קאלאניעס האט „יעקאפא״ געגעבן אין משך פון די ערשטע יארן. שפעטער, נאך דער דיפערענצירונג פון דער „יעקאפא״-טעטיקייט, איז די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט אריבער צו „ארט״, אבער ניט אויף לאנג און אין די לעצטע יארן האט אויף דעם געביט אין ווילנער געגנט שוין געארבעט נאר יק״א, וועלכער פירט איר טעטיקייט דורך אגראנאמען (וועלכע האבן באזוכט אויך „יעקאפא״) און פון יאר 1927 ביז אויף היינטיקן טאג (1931) גיט זי ארויס הלוואות מיט געלט און אין נאטור די קאלאניסטן דורך די קאאפעראטיווע פאלקסבענק לויט א פארשטענדיקונג מיט דער צענטראלער קאאפעראטיווער פאלקסבאנק אין ווילנע. דער אריינגעלייגטער קאפיטאל באטרעפט בערך 30 טויזנט דאלאר.

קיין גרעסערע זאכן זיינען ניט אויפגעטאן געווארן. ס׳האט זיך אפילו געגרינדעט אין ווילנע א געזעלשאפט „סאר״ („ווילסאר״) פאר קויפן ערד און אנטוויקלען לאנדווירטשאפט צווישן יידן, האט אבער קיין טעטיקייט ניט ארויסגעוויזן.

רעד.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
UB | Frankfurt am Main
DFG

ביאָגראַפישער לעקסיקאָן

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג פון הנקס גייען פריער ביאָגראַפיעס פון א טייל טוער און מיטאַרבעטער, וואָס האָבן זיך דירעקט אָדער אומדירעקט באַטייליקט אָדער מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון געגנט־קאָמיטעט „עקאָפּאַ" אין ווילנע.

ס'זיינען אויך געבראַכט געוואָרן די ביאָגראַפיעס פון א דריי טוער פון אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, מיט וועלכע „עקאָפּאַ" האָט דורך אירע פאָרטרעטער מיטגעאַרבעט ביי אַלגעמיינע ענינים פון הילף און אויפבוי אין צענטראַלן מאַסשטאַב.

ס'איז געווען ניט מעגלעך צו באַקומען דעם מאַטעריאַל ביי אַלע באַטרעפנדע טוער, ווייל זיי זיינען צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע לענדער און ס'האָט זיך ניט איינגעגעבן צו קומען מיט אַלע און זיי אין א פאַרבינדונג.

ס'איז אויך ניט געווען מעגלעך צוליב פאַרשיידענע סיבות אָפּצוהיטן איטלעכס די געהעריקע פּראָפּאָרציע. אָבער אויב די ידיעות אין טייל פאַקטן האָבן כאַראַקטעריזירט אויך די עפּאָכע אָדער די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, איז דער מאַטעריאַל במילא אויסגעקומען גרעסער. די אויטאָביאָגראַפיעס זיינען איינגעטיילט באַזונדער און פאַרנעמען פאַרהעלטניסמעסיק מער אָרט.

דער מאַטעריאַל, וואָס ווערט געבראַכט אין דער אָפּטיילונג, איז אַלנפאַלס דער ערשטער, טיילווייזער, פּרוּוו און געווייטער ציטאַטער צו א לעקסיקאָן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דער מאַטעריאַל איז אויטענטיש. אויך יידיש.

רעד.

אבאוויטש מאיר בן יצחק, רב. געבאָרן אחרון של פסח תרל"ה אין שטעטל שניאַדאָווע לאָמזשער קרייז. אין יאָר תרס"ו אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין שטעטל דעליאַטיטש נאָוואָגרודקער קרייז. אין יאָר תרע"ה איינגעלאַדן געוואָרן אלס רב אין ליובטש נאָוואָגרודקער קרייז. ווען די שטעטל איז איינגענומען געוואָרן פון די דייטשן נשבת דעם ערשטן טאָג חוה"מ סוכות תרע"ו, נאָכדעם ווי די רוסן האָבן איר פאַרברענט (דער קאַמף אַרום דער שטעטל האָט זיך געצויגן אָנדערטהאַלבן מעת לעת און 12 איינוואוינער זיינען דערהרגעט געוואָרן, א סך פאַרוואונדעט), איז ער צוזאַמען מיט דער באַפעלקערונג אַוועק צופוס אונטער די קוילן אין א דערבייאיקן דאָרף און פון דאָרט איז ער מיט גרויסע שוועריקייטן אָנגעקומען קיין נאָוואָגרודאָק. דאָס גאַנצע האָב און גוטס, אין דעם אויך די ספרים און חבורים, זיינען פאַרברענט געוואָרן. פון זומער תרע"ט פאַרנעמט ער דעם פּאָסטן פון א רב אין נאָוואָגרודאָק. אין תרע"ב אָפּגעדרוקט א דרוש־ספר „זכרון ישעי", אין תרפ"ו „מס' שבת ירושלמי עם ביאורי פני מאיר", אין תרפ"ח „כוכבי אור" דרושים.

האָט זיך פיל פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפאַ" אין ווילנע אין יאָר 1919 איז הרב אבאוויטש געווען א דעלעגאַט און איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אלס מיטגליד פון פּלענום פון געגנט־קאָמיטעט. ער איז אויך געווען א דעלעגאַט אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפאַ" אין יאָר 1921 און איז ווידער אויסגעקליבן געוואָרן אין פּלענום. אין משך פון א דריי יאָרן איז ער געשטאַנען אין א ענגער פאַרבינדונג מיט „יעקאָפאַ" פאַר אַלע ענינים פון הילף און אויפבוי אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן.

אבראַמאָוויטש הירש. געבאָרן אין 1881 יאָר אין א גוט אין ווילנער גובערניע. ביז 11 יאָר געלערנט אין דער היים ביי ווילנער לערער. דער פאָטער איז געווען

א גרויסער ליבהאָבער פון העברעאיש און איינגעפלאַנצט עס ביים זון. צו 15 יאָר האָט ער אַוועקגעשיקט דעם זון לערנען קיין ווילנע. דאָרטן האָט ה. אבראַמאָוויטש זיך פאַרפולקומט אין העברעאישע און יידישע לימודים. צו 17 יאָר אָנגעקומען אין ווילנער לערער־אינסטיטוט, וואו געענדיקט דעם קורס אין 1901 יאָר. צום אָנהויב געהאַט סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם און מיט דעם ציל זיך יעדן זומער פאַרנומען מיט ערדאַרבעט ביים פאָטער. שפּעטער זיך דורכגעדרונגען מיט דער בונדישער אידעאָלאָגיע.

נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט באַקומט ער א לערער־שטעלע אין א רעגירונגס־שול אין מערעטש (טראָקער קרייז). גרינדעט דאָרטן א ביבליאָטעק. אָבער אין א קורצע צייט אַרום ווערט אַריבערגעפירט קיין ווילנע. אין ווילנע פירט א. א פּראָפּאַגאַנדיסטיש קולטורעלע אַרבעט צווישן אַרבעטער אין גייסט פון מאַרקסיזם.

שפּעטער איז א. לערער אין פּאַוואָלאָגראַד און יעקאַטערינאָסלאַוו, נאָר צוליב זיין פּאָליטישער טעטיקייט ווערט ער אָפּגעזאָגט פון דער רעגירונגס־שטעלע. א. קומט אָן אויף דעם יורידישן פאַקולטעט אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. שפּעטער באַזוכט ער העכערע פּעדאַגאָגישע קורסן ביים פּעטערבורגער אוניווערסיטעט און ווערט איינגעלאַדן דורכן פּעטערבורגער צענטראַלן קאָמיטעט פון מפיצי השכלה (אָפּע) פאַר א באַפולמעכטיקטן אַנשטאָט דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג חיים פיאַלקאָוו וועלכער איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. דער געזונט־צושטאַנד ערלויבט אָבער ניט אבראַמאָוויטשן פירן א וואַנדער־לעבן פון א באַפולמעכטיקטן אינספּעקטאָר און ער פאַרנעמט א לערער־שטעלע אין האָמלער פּריוואַטער גימנאַזיע פון ד"ר ראַטנער, וואו ער איז גלייכצייטיק אינספּעקטאָר. אין האָמעל נעמט אבראַמאָוויטש א טיכטיקן אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין 1912 יאָר ווערט אים אָנדגילטיק פאַרווערט דורך דער בילדונגס־מאַכט זיך צו פאַרנעמען מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט צוליב זיין צו בולטער פּראָגרעסיוו־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, עס ווערן אויסגעזוכט די אַלטע „חטאים". אבראַמאָוויטש פאָרט אַריבער קיין ווילנע און באַקומט אַרבעט אין א געזעלשאַפטלעכן באַנק, אין וועלכן ער אַרבעט ביז 1915 יאָר. ווען ווילנע ווערט עוואַקואירט, ער ווערט ווידער דאַמאָלסט טעטיק אויפן פּעדאַגאָגישן געביט אלס מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון מפיצי השכלה, וואו העלפט בויען דעם פאָלקס־אוניווערזיטעט (אָנפירער מ. שאַליט) און א דריי שולן פון מפיצי השכלה. ער ווערט דאַמאָלסט אויך איינגעלאַדן אלס דירעקטאָר פון דער באַקאַנטער ווילנער פּראָפעסיאָנעלער שול „הילף דורך אַרבעט", וואו ער איז טעטיק ביז היינטיקן טאָג. ווען עס גרינדעט זיך אין ווילנע „אָרט", נעמט אבראַמאָוויטש אָן אָנטייל אין דער פאַר-

וואַלטונג, ווערט שפּעטער מיטגליד פון אויפזיכטס-ראַט פון ווילנער יידישן טעכניקום. אבראַמאָוויטש ווערט אויסגעקליבן אַלט זשלעגאַט אויפן ערשטן וואַרשעווער צוזאַמענפאָר פון בילדונגס-טוער און לערער פון יידיש-וועלטלעכע שולן.

ווען אין ווילנע גרינדעט זיך אַ אינטערנאַציאָנאַלע בילדונגס-ביוראָ — גייט אַריין ה. אבראַמאָוויטש אַלס מיטגליד. אין 1922 יאָר צוזאַמען מיט י. יאַשונסקי און ל. פריינקעל אָרגאַניזירט ער דעם ביאַליסטאָקער צוזאַמענפאָר פון טוער אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג.

אין משך פון אַ ריי יאָרן איז אבראַמאָוויטש געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער שול-אָרגאַניזאַציע פאַר דער ווילנער פּראָווינץ און צ. ב. ק. ער איז אויך מיטגליד פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט א. נ. פון ש. אַנ-סקי.

ה. אבראַמאָוויטש פאַרנעמט זיך מיט זשורנאַליסטיק און ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו שרייבן אין די רוסישער ציימונגען אין 1910 יאָר („סעווערא-זאַפּאַדנאַיאַ סלאָוואָ“). געשריבן אויך אין פּעטערבורגער „פריינד“ (קאָרעספּאָנדענצן, „וואָסחאָד“ און אין אַ ריי רוסישע פּראָווינציעלע ציימונגען. פון 1920 יאָר גייט אַריבער אויסשליסלעך אויף יידיש און פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל פּובליציסטישע, ליטעראַרישע, פּאָליטישע און היסטאָרישע אַרטיקלען אין די ווילנער ציימונגען „טאָג“, „צייט“, אין זאַמל-ביכער („רינגען“, „ווילנער פנקס“, „ווילנער טאָג פאַר אַמעריקע“ א. א.), אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ א. א. אַבראַמאָוויטש איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ריגער „פרימאָרגן“—„יידישע שטימע“ און „אידישע צייטונג“ (בוענאָס-איירעס). ער שרייבט פון צייט צו צייט אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע אינלענדישע און אויסלענדישע אויסגאַבן („דרום-אַפריקע“, „אַפריקאַנער“ א. א.). ער האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט“ און צונויפגעשטעלט פּראָגראַמען פאַר פּראָפעסיאָנעלע שולן (יובילייאויסגאַבע פון „ה. ד. א.“) און אַ ריי אַרטיקלען אין ספּעציעל-פּעדאַגאָגישע אויסגאַבן „נייע שול“, „פאַר שול און היים“ א. א. ער איז איינִיקע יאָר געווען מיטגליד פון פאַרוואַלטונג פון ווילנער יידישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פאַראיין.

אַ. האָט זיך געפונען אין אַ קאָנטאַקט מיט „יעקאָפּאָ“ ביי דער פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון די פּראָווינציעלע קינדער, וואָס זיינען געשטיצט געוואָרן דורך דעם קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ און זיינען פון אים אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער שול „הילף דורך אַרבעט“. אַ. איז אַ מיטאַרבעטער פון פנקס פון „יעקאָפּאָ“

אונגער לואי, גענעראַל-דירעקטאָר פון דער „יידישער קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט“ (יקא). געבוירן אין יאָר 1880 אין אַרלאָן (בעלגיע), וואו זיין פאָטער (אַ געבוירענער אַ לאָטרינגער) האָט אין משך פון 46 יאָר דערפילט די פונקציעס פון אַ שליח-צבור פון דער יידישער קהילה

און האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער בעלגישער רעגירונג. פון דער מוטערס צד איז ל. אונגער אַן אייניקל פון הרב לואי זעליגמאַן, וועלכער איז געווען ראַבינער אין סטאָקהאָלם. איידער ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין דרום-דייטשלאַנד, וואו ער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיטן באַרימטן שרייבער בערטאָלד אויערבאַך. נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט אין גאַנד (גענט), וואו ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם פון דאָקטאָר, פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, איז לואי אונגער געקומען קיין פּאַריז, האָט פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און האָט אינגיכן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין אַ וויכטיקער קרעדיט-אַנשטאַלט, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר פינאַנץ-שטודיען. אין 1911 אויפגענומען אין דער דירעקציע פון דער „יידישער קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט“, האָט ל. אונגער געמאַכט אַן אינספּעקציע-רייזע איבער אַרגענטינע און בראַזיליע, נאָך וועלכער ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון יקא. נאָך פאַר דער וועלט-מלחמה האָט ל. אונגער געמאַכט איינִיקע רייזעס אין מזרח-אייראָפּע, בתוכם אין רוסלאַנד, און האָט אַזוי אַרום נאָכן קריג געקענט זיין באַקאַנטשאַפט מיט די דאָזיקע לענדער אויסנוצן ביי דער אויפבוי-אַרבעט פון דער יק״א אין די געמיטנע לענדער פון צענטראַל- און מזרח-אייראָפּע. די רעזולטאַטן פון די צאָלרייכע אינספּעקציעס, וועלכע ל. אונגער האָט געמאַכט, ווי אין די יידישע קאָלאָניעס מעבר-לים, אַזוי אויך אין פּוילן, רוסלאַנד און אין גאַנץ מזרח-אייראָפּע (קאָלאָניזאַציע, ליי- און שפּאָר-קאַסעס, פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג) האָבן געבראַכט דערצו, אַז ל. אונגער האָט אין יאָר 1923 נאָך עמיל

מאיירסאָנען פאַרנומען דעם פּאָסטן פון גענעראַל-דירעקטאָר פון דער יק״א. צום גרעסטן טייל אַדאַנק זיינע באַמיאונגען זיינען געשאַפן געוואָרן די „דזשוינט-יקאָ-פונדיישן“, פון וועלכער ער איז איינער פון די דירעקטאָרן, ווי אויך די עמיגראַציע-פאַראייניקונג „היאַס-יקאָ-עמיגדירעקט“. ל. אונגער האָט באַקומען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג די אויסצייכענונג פון קאַוואַליער פון „ערן-לעגיאָן“.

מיט „יעקאָפּאָ“ ספּעציעל געהאַט צו טאָן אין די ענינים פון אויפבויען די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער.

אונגער עדוואַרד, ברודער פון לואי אונגער, איינער פון די דירעקטאָרן פון יקא. געבוירן אין אַרלאָן אין יאָר 1878. באַקומען זיין העכערע בילדונג אין פּאַריז, וואו ער האָט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און אויך דעם פאַקולטעט פאַר ליטעראַטור. אָנטייל גענומען אין דער דירעקציע פון אַ באַדייטנדן באַנק-הויז. נאָך דער וועלט-מלחמה האָט ע. אונגער געמאַכט אַ ריי אינספּעקציע-רייזעס איבער פּוילן, בעסאַראַביע, טערקיי און אַנדערע מזרח-אייראָפּעאישע לענדער, ווי אויך אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט אָנגעפירט אין נאָמען פון דער יק״א מיט דעם פאַראייניקטן עוואַקואַציע-קאָמיטעט, וועלכער האָט פאַרגעזעצט, מיט דער הילף פון „אַמעריקען עמערזשענסי קאָמיטעט“ און „עמיגדירעקט“, די אַרבעט, וואָס איז געווען אונטערגענומען דורך יק״א וועלכע האָט עוואַקואירט זעלבשטענדיק 20.000 יידישע פליכטלינגע. צוזאַמען מיט די 5.000 פליטים פונם עוואַקואַציע-קאָמיטעט זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַלע לענדער פון דער וועלט 25.000 יידישע פליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפן צוליב פּאָגראָמען און הונגער פון רוסלאַנד און אוקראַינע און האָבן זיך פאַרהאַלטן אין פּוילן און רומעניע, אָדער וועלכע זיינען צוליב דער אַמעריקאַנער קוואָטע פון יאָר 1923 פאַרבליבן אין די האַפן-שטעט. דער פאַראייניקטער עמיגראַציע-קאָמיטעט האָט אין

משך פון עטלעכע יאר אומגילטיק ליקווידירט דאס דאזיקע פראבלעם.

ע. אונגער איז דער פארטרעטער פון דער יק"א אין דער דירעקציע פון דער עמיגראציע-פאראייניקונג „היאס-יקא-עמיגדירעקט", וועלכע רעגולירט היינטצוטאג די גאנצע יידישע עמיגראציע. ער האט פארטראטן די יק"א אויף די אינטערנאציאנאלע עמיגראציע-קאנפערענצן אין רוים אין יאר 1924 און אין גענף אין יאר 1927. ע. אונגער האט באקומען פון דער פראנצויזישער רעגירונג די אויסצייכענונג פון קאוואליער פון „ערן-לעגיאן".

איוועניצקי אברהם. וויצע-בירגערמייסטער פון שטאט זשעטל. געבארן אין זשעטל אין יאר 1892. זיין פאטער איז געווען פון שטעטלשן יחוס, די מוטער — פון ווארשע, א טאכטער פון דעם גראדנער ראש-הישיבה אברהם יהודה הכהן זייטשיק. געלערנט אין חדרים און בתי-מדרשים איז א. א. אין עלטער פון 12 יאר אנגעקומען אין סלאנימער רוסיש-יידישער קרוין-שול, איבערדרייסנדיק ראדיקאל מיטן גאנצן פריערדיקן לעבנסשטייגער. נאכן ענדיקן די שול אין יאר 1909 האט ער זיך פארנומען מיט געבן פריוואטע לעקציעס אין סלאנים. דערנאך אפגעפארן קיין ווארשע, וואו ער איז אנגעקומען אלס קארעקטאר אין רוסישן ביכערפארלאג „פעטשאטנאיע סלאוואָ". אין יאר 1914 איז ער ארויסגעשפרונגען פון זיין פאסטן צוליב אן אומגעלונגענעם שטרייק פון די זעצער, אין וועלכן ער איז געווען אנגאזשירט. ער איז אוועק קיין אדעס, וואו ער האט געארבעט ביים דאחבירן דעם ים-ברעג, דערנאך פונאנדערגעטראגן צייטונגען. צום סוף איז ער אנגעקומען אלס א קארעקטאר אין דער טעגלעכער צייטונג „יוזשנאיא מיסל" און שפעטער אין „אדעסקי ליסטאק", אן אלטער בכבודיקער קאדעטישער ארגאן, וואו ער האט אויך אנגעהויבן צו דרוקן לידער און פראזע. גלייכצייטיק האט ער זיך באטייליקט אין דער ליטעראַרישער ביילאגע צו דער פעטערבורגער „סאווערעמעננאיע סלאוואָ" א. א. ער האט אין יענער צייט בארייזט גאנץ בעסאראביע, קרים, כערסאנער גובערניע און עס באשריבן אין זיין צייטונג. ס'איז אבער אנגעקומען די מלחמה. אין יאר 1914 איז ער מאביליזירט געווארן און אוועק צום פראנט. אפגעווען בערך אכט חדשים אויפן פראנט, אויף דער ערשטער ליניע, איז ער בעת די קאמפן ארום בריסק אריינגעפאלן אלס קריגסגעפאנגענער און אלס אזעלכער געארבעט אין די לאגערן פון קראאציע—יוגאסלאוויע. סוף 1919 זיך צוריקגעקערט קיין זשעטל.

אין יאר 1921 איז א. געקומען קיין ווילנע, מיטגעארבעט אין „ווילנער טאג" און גלייכצייטיק זיך געלערנט צאן-טעכניק. סוף 1923 האט דער ווילנער ליטעראטן-פאראיין ארויסגעגעבן זיין בוך „ווען די וועגן קרייצן זיך", טאגבוך פון א יידישן קריגסגעפאנגענעם. דאס בוך האט געפונען א הילכיקן און ווארעמען אפקלאנג אין דער פרעסע. אין 1924 איז ער אפגעפארן קיין ווארשע, וואו ער האט געארבעט א יאר צייט אין ביורא פון קרן-היסוד. האט מיטגעארבעט פון צייט צו צייט אין אלע ווארשעווער יידישע צייטונגען, געגעבן כראניק, פארעפנטלעכט נאוועלן, רעצענזיעס (אין דער „נייער פאלקסצייטונג"), געווען א ביכער-אגענט. אין יאר 1928 אויסגעוויילט אלס וויצע-בירגערמייסטער אין זשעטל. מיטארבעטער פון פנקס פון „יעקאפא".

אלטער לעאן. געבארן אין וויניצע (פאדאליע) אין יאר 1880. דער פאטער הערש אלטער שטאמט פון מלאווע. נאכן ענדיקן די מיטלשול און דערנאך די שול פאר פאליטישע וויסנשאפטן אין פאריז אין יאר 1904 האט ל. אלטער אנגעהויבן צו ארבעטן אויפן געביט פון עמיגראציע אלס פארוואלטער פון דער ווארשעווער יידישער אינפארמאציע-ביורא פאר עמיגראנטן, וואס איז ארגאניזירט געווארן דורך ד״ר גאלדפלאם און אנדערע געזעלשאפטלעכע טוער און סובסידירט פון יק"א. אין דער ביורא האט א. געארבעט פון 1905 ביז 1916, ווען די טעטיקייט פון ביורא איז איבערגעריסן געווארן צוליב די מלחמה-געשעענישן. האט זיך באטייליקט אין די עמיגראציע-קאנפערענצן און יק"א-צוזאמענפארן (ליבאווע 1908—1909 א. א.).

אויסער דער עמיגראציע-ארבעט איז א. געווען טעטיק אלס לערער פון עקאנאמיע, געאגראפיע און פראנצויזיש אין מיטלשולן א. א. ווי אויך אלס פארוואלטער פון ארבעטס-פארמיטלונגס-ביורא, געגרינדעט דורך דער ווארשעווער יידישער ארבעטער-געזעלשאפט פאר צושטעלן ארבעט („הילף פאר ארבעט"), פון יאר 1907 ביז 1916. וועגן דער ארבעט פון פארמיטלונגס-ביורא און פון דער עמיגראציע-ביורא האט א. פארעפנטלעכט באריכטן. א. האט אויך גענומען אן אנטייל אין פאליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון די לינקע ריכטונגען און ביי קולטורעלער ארבעט אין ארבעטער-ארגאניזאציעס, לכתחילה אין דער „פוילישער קולטור" (1907—1911), אין וועלכער ער האט אנגעפירט מיט דער קולטור-ארבעט אין דער באוואוסטער 6-טער אפטיילונג, וואס איז ארויסגעטראטן אין קאמף מיטן פראגרעסיוון אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז דאן ערקלערט געווארן דורך שוויענטאכאווסקין און וואס איז אויך געווען די סיבה, צוליב וועלכער די געזעלשאפט איז חרוב געווארן. נאכן פאלן פון דער „קולטורא פאלסקא" האט א. זיך באטייליקט אין דער קולטור-ארבעט פון דער „וויעדזא ראבאטניטשא" (1912—1916).

אין אנהויב 1917 איז א. דורך דער דייטשער אקופאציע-מאכט פארשיקט געווארן אין געפאנגענלאגער האפענבערג, וואו ער איז אפגעווען א יאר צייט. פארן אויסבראך פון דער רעוואלוציע אין דייטשלאנד, איז ער באפרייט געווארן.

אין יאר 1919 איז געגרינדעט געווארן ביים פוילישן ארבעטס-מיניסטעריום אן עמיגראציע-סעקציע. א. איז דאן איינגעלאדן געווארן אין דער דאזיקער סעקציע אלס רעפערענט פאר יידישע עמיגראציע-ענינים.

אין יאר 1921 איז א. נאמינירט געווארן אלס שעף פון דער מעבר-לים-אפטיילונג ביים עמיגראציע-אמט פון פוילישן ארבעטס-מיניסטעריום.

אין יאר 1923 האט א. פארלאזן די רעגירונגס-שטעלע און אנגעהויבן ארבעטן אין ווארשעווער „היאס", וועלכער האט שפעטער איבערגעגעבן די ארבעט דעם „יעאס", וואו א. איז א דירעקטאר ביז אויפן היינטיקן טאג.

א. האט פארעפנטלעכט ארטיקלען וועגן דער יידישער עמיגראציע אין פוילישע אויסגאבן, צווישן זיי אין „קווארטאלניק" פון עמיגראציע-אינסטיטוט (1927) א. א.

אנטאוויל פייבוש. געבארן אין אדעס אין יאר 1891. געארבעט אין ווילנער האלץ-מעסאמט אלס שרייבער ביי א סוחר. צוליב דעם גרוש פון די יידן אין קאוונער גובערניע דעם 6 מאי 1915 געווען געצוואונגען צו פארלאזן זיין באשעפטיקונג און איז אריינגעצויגן געווארן אין דער געזעלשאפטלעכער הילפס-טעטיקייט. האט געארבעט אין דער עוואקואציע-אפטיילונג פון ווילנער קאמיטעט צו העלפן די קרבנות פון מלחמה (1915—1917), אין דער אפטיילונג פאר סאציאלע פארזארגונג און צענטראל-אפטיילונג פון דער ווילנער קהלה (1919—1920), אין דער עמיגראציע-אפטיי-

לונג פון „יעקאפא" (1922—1925) און אין פאלעסטינע-אמט.

א. האט געהערט צו דער פארטיי „צעירי-ציון", וואס איז געגאנגען צו די וואלן אויף אן אלגעמיינעם ציוניסטישן צעטל, פון וועלכן ער איז אויסגעקליבן געווארן אלס ראטמאן פון דער ווילנער קהילה אין יאר 1919 און שפעטער אויך פון ווילנער שטאטראט. אין קהילה איז ער געווען א מיטגליד פון קאלעגיע (רעפרעזענטאטיווער און אויספיר-ארגאן ביזן בילדן פון פרעזידיום) און שפעטער א געוויסע צייט א סעקרעטאר פון פרעזידיום. אין „יעקאפא" איז ער געווען א מיטגליד פון עקזעקוטיווע און אייניקע יאר פארוואלטער פון דער עמיגראציע-אפטיילונג, מיטארבעטער פון פנקס פון „יעקאפא".

אין יאר 1925 האט ער פארלאזן ווילנע און זיך באזעצט אין ארץ-ישראל. די ערשטע צייט דארט געווען באשעפטיקט אלס בוי-ארבעטער. שפעטער—אריבער צו געזעלשאפטלעכער טעטיקייט אין שליחות פון ארבעטער-ארגאניזאציעס.

אראנאוויטשי נח. געבארן אין באיעסי (רומעניע) אין יאר 1895. שטודירט יוריספרודענץ און פאליטישע וויסנשאפטן. אין די יארן 1916—1918 געווען אויף מלחמה.

פון יאר 1919 אן, זינט סיהאט זיך אנגעהויבן די דזשוינט-ארבעט, איז ער געווען טעטיק אין דזשוינט צוערשט צוזאמען מיטן לייטענאנט בעקער און דאן מיט אלכסנדר לאנדעסקא אלס סעקרעטאר פון צענטראל-ביורא פאר רומעניע.

אין יאר 1921 איז ער געווען דירעקטאר פון דער היימלאזע-אפטיילונג אין רומעניע אונטער דער אלגעמיינער אנפירונג פון ד"ר בערנארד כהן, אין וועמענס שליחות וועגן די היימלאזע-ענינים ער איז אויך געפארן קיין בולגאריע און קאנסטאנטינאפאל, ביז וואנען די אפטיילונג איז ניט ליקווידירט געווארן אין יאר 1921.

אין יולי 1924 איז א. געווארן גענעראל-סעקרעטאר פון דער „פונדיישן", וועלכן אמט ער פארנעמט ביז אויף היינטיקן טאג. זייענדיק אויף אזא אופן אין דער ארבעט פון דזשוינט און שפעטער „פונדיישן" 11 יאר כסדר.

אקון ישראל. געבארן אין באברויסק (מינסקער גוב.) אין יאר 1877. אין יאר 1908 געענדיקט אין דייטשלאנד אלס אינזשענער און זיך באזעצט אין פעטערבורג. פריער זיך פארנומען מיט לערעריי. מיט געזעלשאפטלעכער טעטיקייט זיך אנגעהויבן צו פארנעמען זייער פרי, פון יאר 1895. זיין פאטער שמעון אקון איז געווען א באקאנטער כלל-טוער אין שטאט ב. און נאך אלס 7-יאריקן יינגל האט ער אריינגעצויגן זיין זון אין קהלשע ענינים. אין פעטערבורג האט י. אקון פיל אויפגעטאן אויפן געזעלשאפטלעכן געביט, געווען מיטגרינדער פון דער געזעלשאפט פאר יידישע קונסט און מוזיק און נאענטער טוער אין דער „חברה מפיצי השכלה", טעאטער-געזעלשאפט און פיל אנדערע. פאליטיש האט ער געהערט צום „בונד" און נאך דער רוסישער רעוואלוציע איז ער אויסגעוויילט געווארן אלס ראטמאן פון דער ערשטער דעמאקראטישער קהילה אין פעטערבורג און אלס גלאסני פון פעטערבורגער שטאטראט. אין 1917 איז ער צוריק געקומען קיין באברויסק, וואו ער איז אויסגעוויילט געווארן אלס וויצע-גאלאווא. ער איז אויך געווען פארוואלטער פון דער עלעקטרישער און וואלד-אפטיילונג פון באברויסקער מאגיסטראט.

אין 1919 האט זיך א. באזעצט אין ווילנע, וואו ער האט פון מאי 1919 ביז סעפטעמבער 1921 אנטוויקלט א באדייטנדע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט און וואו לויט זיין איניציאטיוו און נאענטסטער מיטארבעט זיינען געגרינדעט און געבוים געווארן א ריי וויכטיקע נייע אינסטיטוציעס, ווי די פראדוציר-קאאפעראטיוון און טעכניקום (עקסיסטירן ביז אויף היינטיקן טאג), קאאפעראטיווע און עקאנאמישע קורסן, ארבעטער-אוידיטאריע א. א., געווען א טעטיקער מיטגליד פון קאמיטעט „ארט", ווארשטאטן פון „ארט" און צענטראלן בילדונגס-קאמיטעט (צ. ב. ק.). האט מיטגעארבעט אין בונדישע צייטונגען, ארויסגעגעבן צוויי בראשורן וועגן די פראדוציר-קאאפעראטיוון (ווילנע, 1920) און איבערגעזעצט פון דייטש ד"ר ל. גרעצ'ס „עלעקטריע און איר פראקטישע אויסנוצונג, א בוך צום לערנען און לייענען" (ווילנע, 1921, ארויסגעגעבן פון ווילנער געגנט-קאמיטעט „ארט").

אין די פראדוציר-קאאפעראטיוון איז ער געווען הויפט-פארוואלטער און אין טעכניקום—דירעקטאר. אין די קאאפעראטיווע און עקאנאמישע קורסן (פון „יעקאפא")—פארוואלטער; געשטאנען אין נאענטן קאנטאקט מיט „יעקאפא" וועגן פארשיידענע אינסטיטוציעס, וואס „יעקאפא" האט סובסידירט: זיין פרוי מ. א. אקון איז געווען מיטפארוואלטערין פון די פרעבל-קורסן, וואס זיינען סובסידירט געווארן פון „יעקאפא" (ז. אויבן ז. 340—341), שפעטער—פארוואלטערין פון דער קינדער-ביבליאטעק ביים צ. ב. ק. אין ווילנע.

אין יאר 1924 האט ער צוליב פרינציפיעלע סכסוכים מיט די טוער פון „ארט" פארלאזן די ארבעט אין ווילנע. ער איז אפגעפארן קיין ארגענטינע, פון דארט אין די פאראייניקטע שטאטן פון צפון-אמעריקע, קיין קאנאדע א. א.

באגען באריס, ד"ר. געבארן אין יאר 1880 אין דער באוואוסטער יחוסדיקער פאמיליע קאצענעלנבויגן, אין ליטע. זיין פאטער דוד קאצענעלנבויגן האט אין די יונגע יארן געלעבט אין יאנישעק, קאוונער גוב. און האט זיך אנהויב די 70-ער יארן אריבערגעקליבן קיין מאסקווע מיט זיין קליינעם זון ברוך (באריס). סוף 80-ער יאר איז ב. אנגעקומען אלס סטודענט אין דער העכערער קונסט-אינדוסטריע-שול פון סטראגאנאוו אין מאסקווע. אבער דער גירוש פון די מאסקווער יידן אין יאר 1891—1892 האט אויך געטראפן די פאמיליע קאצענעלנבויגן, וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארן פון מאסקווע. דוד קאצענעלנבויגן האט זיך אומגעקערט אין זיין געבורטסשטאט יאנישעק און זיין זון באריס האט אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע.

אין אמעריקע איז ב. אריין אין דער דארטיקער רוסיש-יידישער קאלאניע, האט געשיקט קארעספאנדענציעס אין „וואסכאד" און איז בכלל געווען א צענטראלע פיגור אין דער אנגערופענער קאלאניע. ארבעטנדיק צווישן די יידישע מאסן האט ער זיך אויסגעלערנט יידיש אין אמעריקע. האט געהערט צו די ראדיקאלע און סאציאליסטישע גרופן, איז אבער אין א פארטיי ניט אריין, ווייל פאליטיק האט אים ניט איבעריקנס אינטערעסירט. ער איז אנגעקומען אין ניו-יארקער אוניווערסיטעט פארצוזעצן זיין שטודיע אין פעדאגאגיק, צו וועלכער ער האט געהאט א באזונדערע נייגונג און

חיים וועלכער ער האט זיך נאך פארנומען אין מאסקווע. ב. האט דעם אוניווערסיטעט געענדיקט אלס ד״ר פילאזאפיע. ער איז איינגעלאדן געווארן פאר א לערער אין דער באוואוסטער לאנדווירטשאפטלעכער שול פון באראן הירש אין וואודביין, ניו-דזשוירזי, וואו ער איז שפעטער אויך געווארן דער הויפטפארוואלטער. ב. האט אנגעפירט א קאמף, אז וואודביין זאל באקומען דאס רעכט פון א שטאט און האט דעם קאמף געוואונען. דאס האט אים זייער פאפולער געמאכט אין די געזעלשאפטלעכע און פילאנטראפישע קרייזן פון אמעריקע און אין יאר 1901 איז ער איינגעלאדן געווארן קיין סינסינאטי אלס הויפטפארוואלטער פון די פאראייניקטע יידישע צדקה-אנשטאלטן. מיט דער דאזיקער טעטיקייט האט ער זיך פארנומען ביזן יאר 1917 ווען ער איז געווארן דער גענעראל-דירעקטאר פון אמעריקאנער דזשוינט דיסטריבושן קאמיטעט (ד. ק.) אויף אייראפע און אין יאר 1919 געשיקט געווארן קיין פוילן און רוסלאנד אנצופירן מיט דער הילפס-ארבעט צווישן די יידישע מלחמה-קרבנות. אויף דעם אנגערופענעם פאסטן האט ב. אנטוויקלט אין פוילן א קאלאסאלע טעטיקייט אין די שווערסטע יארן (1919—1922), וועלכע וועט פארבלייבן אויף אייביק אין דער געשיכטע אלס גרויסע רעטונגס-אקציע, וואס האט ממש ארויסגעריסן פון טויט און הונגער הונדערטער טויזנטער יידישע נפשות, קינדער, יתומים און אלמנות און האט געהאלפן שטעלן זיך אויף די פיס צענדליקער טויזנטער מענטשן. ב. האט אין די ענינים פון הילף ארומגערייזט גאנץ אייראפע. אין פוילן איז ער געקומען מיט אן אייגענעם שטאב דזשוינט-פארטרעטער פון אמעריקע אין מיליטערישע קליידער, האט ארגאניזירט דאס צענטראל-ביורא אין ווארשע און האט פונאנדערגעשיקט די פארטרעטער אין פארשיידענע טיילן פון פוילן צו ארגאניזירן און אנפירן מיט די ארטיקע ביוראען. אין ווילנער געגנט איז דאס געווען איבעריק, ווייל ס׳האט שוין עקסיסטירט און אנטוויקלט א אינטענסיווע טעטיקייט דער קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע און די ארבעט איז אים אנפארטרויט געווארן. ב. האט אויך פערזענלעך באזוכט דעם קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע און איז געווען גענוי באקאנט מיט זיין טעטיקייט. די פארטרעטער פון „יעקאפא" זיינען אין משך פון יארן געשטאנען מיט ב׳ אין א לעבעדיקן קאנטאקט וועגן אלע ענינים פון דער ארבעט. נאכן אפשטעלן די אזויגערופענע פילאנטראפישע טעטיקייט פון דזשוינט אין יאר 1922—1923 און איבערבויען איר אויף א קאנסטרוקטיווע איז ב. אפגערופן געווארן פון אייראפע. קומענדיק צוריק קיין אמעריקע, איז ב. געווארן דער דירעקטאר פון די פאראייניקטע יידישע צדקה-אנשטאלטן אין לאס אנדזשעלעס. אין 1925 איז ער געווארן דער אינטערנאציאנאלער סעקרעטאר פון דעם אומאפהענגיקן ארדען „בני ברית" מיט דער הויפטקווארטיר אין לאס אנזשעלעס. אין יאר 1926 האט ב. באקומען א דאקטאר-דיפלאם פון יוניאן קאלעדזש אין סינסינאטי אלס אנערקענונג פאר זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און לעקציעס איבער סאציאלע פראגן. ב. האט אויך ארויסגעגעבן אייניקע ביכער וועגן סאציאלער הילף און א ווערק וועגן דער טעטיקייט פון די פילאנטראפישע אינסטיטוציעס אין אמעריקע.

די טאכטער פון ב.—י. באגען-שאהאן—האט זיך אויך באטייליקט אין דער הילפס-טעטיקייט פון דזשוינט אין פוילן אונטער דער אנפירונג פון איר פאטער צוזאמען מיט איר מאן א. שאהאן, וועלכער איז געווען דירעקטאר פון דער היימלאזע-אפטיילונג און דערנאך פון דער אפטיילונג פאר קינדער-פארזארגונג ביז דער גרינדונג פון יתומים-פארבאנד אין ווארשע אין יאר 1923 (ווען ער האט זיך אומגעקערט קיין אמעריקע) און האט אויף דעם געביט זייער פיל אויפגעטאן.

ד״ר ב. באגען איז געווען א כלל-טוער פון א גרויסן שניט און א זעלטן-גוטער און קלוגער מענטש מיט א באזונדערס הארציקן און ליבן שמייכל. ער איז געשטארבן פלוצלונג אין ארקאדיא (לאס אנדזשעלעס), קאליפארניא, זונטאג אין דער נאכט אויף מאנטאג דעם 1 יולי 1929.

בענדזשאמין אהרן. געבארן אין אלט-ביכאוו (מאהילעווער גוב.) אין יאר 1869, ביי בעלי-בתישע עלטערן, אלס איינער פון 16 קינדער. צו 9 יאר איז ער געקומען קיין קיעוו. ביז 13 יאר געלערנט אין חדר, דערנאך האט מען אים אפגעגעבן אין א געשעפט. צו 17 יאר איז ער אוועק קיין אמעריקע קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן און אן זייער וויסן.

אין אמעריקע אריינגעפאלן אין א שאפ און געארבעט צוועלף שעה א טאג פאר דריי דאלאר א וואך. אין די ערשטע צען יאר האט ער שווער געארבעט. אנגעהויבן א געשעפט פון פארטיקע קליידער און איז דורכגעפאלן. געווארן א פארזיכערונגס-אגענט. צו דרייסיק יאר האט ער באשלאסן צו שטודירן יוריספרודענץ, ניט אויפגעבנדיק זיין באשעפטיקונג אלס פארזיכערונגס-אגענט. צו 31 יאר האט ער פארענדיקט זיין שטודיע און איז געווארן אן אדוואקאט אין ניו-יארק און זינט דאן באשעפטיקט ער זיך מיט דער דאזיקער פראפעסיע.

אויפן געזעלשאפטלעכן געביט האט ער באזונדערס פיל און טעטיק געארבעט אין אמעריקאנער „היאס", אין שליחות פון וועלכן ער איז אין יאר 1920 געקומען קיין אייראפע אלס דירעקטאר פון „היאס" און „היקעם" („היאס-יק״א-עמיגדירעקט") אין פאריז אנשטאט דעם ד״ר דזשעמס בערנשטיין, וועלכער איז צוריק אפגעפארן קיין אמעריקע. האט אין עמיגראציע-ענינים באזוכט א ריי לענדער, צווישן זיי אייניקע מאל פוילן. איז אויך געווען אין ווילנע און זיך באקאנט גענויער מיט דער טעטיקייט פון דער עמיגראציע-אפטיילונג פון „יעאס" ביי „יעקאפא".

בערנשטיין ישראל. געבארן אין יאר 1886 אין שטעטל קאלנע (לאמזשער גוב.) זיין עלטער-זיידע, זיידע און פאטער זיינען געווען כלל-טוער (דאזארעם).

צו 16 יאר איז ב. געפארן קיין ביאליסטאק אנקוקן א וועבעריי, וואס זיינס א קוזין הערשבערג (א פלימעניק פון דעם באקאנטן אברהם שמואל הערשבערג) האט דארט פארמאגט. געוואלט האט ער ווערן וועבערמייסטער, און געווארן—וועבער און בונדיסט.

צו 19 יאר איז ער אפגעפארן קיין אמעריקע, וואו ער איז געבליבן פון 1905 ביז 1920. אין ניו-יארק האט ער געטאן פארשיידענע מלאכות; ביי קיין שום מלאכה זיך אבער ניט איינגעבירגערט. אין די אוונטן זיך געטעטיקט מיט פארטיי-ענינים (סאציאליסטישע פארטיי, ארבעטער-רינג א. א.), דעם ברענטש פון „ארבעטער רינג",

וואו ער איז א מיטגליד, האט ער געגרינדעט אויך א רעליעף-ארגאניזאציע, וועלכע האט תיכף נאך דער מלחמה אריינגעשיקט אין דעם קליינעם שטעטל ביסטן (נעבן סלאנים) מער פון 35 טויזנט דאלאר, וואס ער האט אין יאר 1920 אהינגעפירט און צעטיילט.

פון יאנואר 1921 אן איז ער פארבונדן מיטן „היאס“ אין אייראפע. די ערשטע צייט אין ווארשע אלס פארוואלטער פון די „היאס“-אפטיילונגען אין דער פוילישער פראווינץ. צו דערזעלביקער צייט זיך אויך פארנומען מיט געבן אינפארמאציעס עמיגראנטן.

אין אויגוסט 1921 איז ער באשטימט געווארן אלס דירעקטאר פון „היאס“ אין לעמבערג, וואו ער האט אנגעפירט מיט דער יידישער עמיגראציע-ארבעט און מיט אויסצאלן די איבערווייזונגען פון אמעריקע פאר דער יידישער באפעלקערונג אין גאליציע אין משך פון 10 חדשים צייט. אינמיטן 1922 איז ער געשיקט געווארן קיין בוקארעשט, וואו ער האט אין משך פון 18 חדשים פארוואלטעט מיט דער „היאס“-טעטיקייט אין רומעניע. אנהויב 1924 האט ער זיך אומגעקערט קיין ווארשע, וואו ער האט איבערגענומען די פארוואלטונג פון די געלט-איבערווייזונגען ביז די „היאס“-צענטראלע איז אריבערגעטראגן געווארן קיין בערלין (1926), וואו ער פארוואלטעט מיט דער ארבעט ביזן היינטיקן טאג (מערץ 1930) [אין 1930 איז פראיעקטירט די ארבעט ווידער אריבערצוטראגן קיין ווארשע מיט ב. בראש]. פאר דער צייט, וואס ער האט זיך פארנומען מיט דער דאזיקער טעטיקייט האט ער אין פארשיידנסטע לענדער און שטעט געהאט צו טאן מיט צענדליקער טויזנטער נפשות (מייסטנס רוסישע פליטים) און אויסגעצאלט מער פון 20 מיליאן דאלאר. ב. איז אן עקזעקוטיוו-מיטגליד פון „עמיגדירעקט“ און א ראט-מיטגליד פון „היקעם“.

ברוק חיים. געבארן אין ליובטש אין יאר 1883. געלערנט אין חדרים און ישיבות, באקומען סמיכה אויף רבנות. אין יאר 1913 זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג און אפגעפארן קיין פראנקפורט אם מיין, וואו ער האט זיך געגרייט צו א דארטיקער הויך-שול. ביים אויסברוך פון מלחמה האט ער געמוזט פארלאזן דייטשלאנד און זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאנד, וואו ער איז אריינגעטראטן אין הילפסקאמיטעט פאר די מלחמה-געליטענע אין מינסק. ווען סוף 1915 האבן די דייטשן פארנומען די ליובטשער געגנט, האט ער געארבעט אין הילפסקאמיטעט אין ווסעליוב. אין יאר 1917, ווען מען האט זיך צוריקגעקערט אין דער חרוב-געווארענער שטעטל, האט ער ארגאניזירט דעם הילפסקאמיטעט אין ליובטש און האט שפעטער אויך אנגעפירט מיט די איבעריקע געזעלשאפטלעכע ענינים אין שטעטל, ווי די קאאפ. פאלקס-באנק, פאלקסשול א. א.

אין די יארן 1928—1930 געווילטער פארזיצער פון דער ליובטשער קהילה מיט די שטעטלעך ליובטש, קארעליטש, דעליאטיטש און נעגנעוויטש און איינציקער יידישער פארשטייער אין דעם ראט פון דער גמינע. געווען דעלעגאט אויף די קאנפערענצן פון „יעקאפא“ און מיטגליד פון פלענום.

בריאנסקי יצחק. געבארן אין לאדז אין יאר 1802. געענדיקט אוניווערסיטעט אלס יוריסט. געווען אויף מלחמה ביז סוף 1918. אין פעברואר 1919 אנגעהויבן צו ארבעטן אין יידישן נאציאנאל-ראט אין ווארשע (אונטער דער אנפירונג פון י. גרינבוים) און דורכגעפירט א ריי אינטערווענצן ביי דער מאכט וועגן פאגראמען, עקסצעסן, היימלאזע, „פרעמדע“ א. אז. וו. לויט זיין איניציאטיוו איז געגרינדעט געווארן די עמיגראציע-סעקציע ביים נאציאנאל-ראט, פון וועלכער ער איז געווען פארוואלטער אין די יארן 1921—1923, ביז דער ליקווידירונג פון דער סעקציע צוליב דערלעדיקן די פראגע פון די רוסישע היימלאזע אין פוילן. געווען סיים-קאנדידאט (אומפארטייאישער) אין ביעלסק אין יאר 1919 און 1922. געווען דער פארטרעטער פון נאציאנאל-ראט אין פאראייניקטן קאמיטעט ביים גרינדן די יידישע צענטראלע עמיגראציע-געזעלשאפט („יעאס“) אין פוילן.

פון יאר 1925 איז ב. יוריסקאנסולט פון פארבאנד פון די צענטראלעס פאר יתומים-פארזארגונג אין פוילן.

גאלאמב יהודא ליב. געבארן אין די זעכציקער יארן פון פאריקן י. ה. אין מיישעגאלע. פון פיר יאר אן געוואקסן ווי א יתום ביי קרובים. געלערנט אין ווילנער ישיבות און פאר זיך אין „חברה פועלים“, געשמט יינגלוויז אין שטעטל פאר א בדחן אויף ארעמע חתונות, איז אים די נטיה צו שרייבן געבליבן אויף שטענדיק, הגם דרוקן האט ער נאר געדרוקט עטלעכע קארעספאנדענציעס אין אמאליקן „המליץ“. אנגעקומען פאר אן איידעם אין א משפחה פון שוחטים אין ווילנע און אין א סך שטעטלעך פון ווילנער געגנט [די דאזיקע שוחטישע-משפחה פירט איר יחוס פון א ווילנער שטאט-שוחט ר׳ יאנקעלע סוועציאנער און האט באזארגט מיט א שוחט אזש האמבורגן], איז ער אויך געווארן א שוחט אין א קליין שטעטל סטראוועניק (טראקער קרייז, היינט ליטע).

האבנדיק גענוג פרייע צייט, האט זיך דער פרומער טוחט פארנומען מיט צוויי זאכן: מאכל כשר פאר די יידישע זעלנער פון גאנץ גרויסן גארניזאן אין שטעטל און מיט—פארשפרייטן השכלה.

דאס קליין שטעטל האט ניט געקאנט אויסהאלטן אזוי פיל יידישע זעלנער. פלעגט ג. צופוס ארומגיין איבער די שכנישע שטעטלעך זאמלען מיטלען, באזארגן „שבתים און יום-טובים“. דאס באפרייען די יידישע זעלנער פון קאזארמע האט אים רערנעענטערט צו די אפיצערן פון פאלק. פאר די זעלנער איז ער געווען א שתדלן און א פריינד. א גוטמוטיקער, פריינדלעכער און לוסטיקער — איז זיין שטוב געווארן די צווייטע היים פון די יידישע זעלנער און א סך דראמאטישע מאמענטן פון יידישן זעלנער-לעבן זיינען פארבליבן אין דער טראדיציע פון ג—ס פאמיליע.

אבער אויך די אפיצירן און די רוסישע באפעלקערונג פון שטעטל, וואס איז געווען בארימט מיט אירע רויבער האבן פארן „שוחט“ געהאט דרך-ארץ. זיט איינמאל האט מען אים באגעגנט ביינאכט אין די וועלדער, אבער דעם „שוחט“ פלעגט מען ניט רירן.

די „השכלה“ איז באשטאנען אין „המליץ“ און אין חובת-ציון, אין א קארעספאנדענץ מיט ווילנער און פעטערבורגער געזעלשאפטלעכע טוער.

אין 1898 אריבערגעפארן צוריק אין מיישעגאלע. געווארן א קרעמער — דערעסן די קהלשע פרנסה. אפגעגעבן זיך דעם יונגן דאן ציוניזם און די שטעטלשע אנגעלעגנהייטן, אויסמיידנדיק תמיד גבאות אדער געצאלטע אמטן.

פון 1909 ביז די מלחמה-יארן געווען באפולמעכטיקטער פון יק״א פאר עמיגראציע-ענינים. אין מאי 1913 נעמט ג. אנטייל אין דער עמיגראציע-קאנפערענץ אין ווילנע, ארגאניזירט דורך יק״א. א אינטענסיווע טעטיקייט הויבט ג. אן אין דער צייט פון מלחמה, ווען דורך זיין שטעטל גייט דורך דער „גירוש קאוונע“ און שפעטער אין דער צייט פון דער אקופאציע. ג. איז דער ערשטער פארזיצער פון דער געוויילטער קהילה אין מיישעגאלע. ווי אזא איז ער אויך געווען

אַרעסטירט דורך די דייטשן. געווען דעלעגאַט אויף דער ערשטער גענעס־קאָנפערענץ פון קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע אין יאָר 1919 און איז געשטאַנען מיטן קאָמיטעט אין זייער אַ נאָענטן קאָנטאַקט אַלס זיין פאָרשטייער פאַר דער הילפס־אַרבעט אין טייטשעגאָלע. אין האַרבסט 1920 פאַרווירקלעכט ג. זיין אייגענעם ציוניסטישן אידעאַל און פאָרט אַריבער קיין פּאַלעסטינע, וואו ער איז געווען שוחט אין עזה און דערנאָך אין גדרה. ג. איז דער פאָטער פון א. גאָלאָמב, פאַרוואַלטער פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע.

גאָלדין אהרון. געבאָרן אין פינסק אין יאָר 1884. זיין פאָטער אייזיק־בער גאָלדין (ער פלעגט זיך אונטערשרייבן א׳ ב׳ ג׳) אַ שטרענגער ליטווישער ייד, למדן וחריף, האָט געהאַט אַ נטיה צו השכלה און אין דער ביכער־שאַפע האָט מען געקאָנט טרעפן אין אַ פאַרשעמט ווינקל

אַ שפּאָר ביסל העברעאישע השכלה־ביכער, אויף די גליונות פון וועלכע מען האָט זיך אָפטמאָל אָנגעשטויסן אויף צוגעשריבענע באַמערקונגען. אַ גרויסער ליבהאָבער פון תנ״ך. ס׳איז כמעט ניט געווען קיין אויסגאַבע פון תנ״ך, וועלכע איז דורך אים ניט געקויפט אָדער אָבאָנירט געוואָרן. זיין ספר „אותיות מחכימות״, אין וועלכן ס׳זיינען געציילט און געמאָסטן דורך פאַרשיידענע מעטאָדן אַלע מערקווירדיקע אויסדרוקן און ווערטער, אילוסטרירט די דאָזיקע ליבע צום תנ״ך. דיזעלבע ליבע האָט ער זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין זיינע קינדער, און צו 9 יאָר האָט א. ג. שוין געקאָנט דעם גאַנצן תנ״ך בעל פה. אָפּגעמעניק צו 5 קאָפּיקעס פאַר יעדן קאַפּיטל מיטן אויסנאָם פון משלי, פאַר וועלכע ער האָט באַקומען צו 10 קאָפּיקעס, ווייל ער האָט אָנגעוויזן, אַז מיט משלי גייט דאָס צו אַ ביסל שווערער, מחמת ס׳זיינען דאָ פיל פסוקים, די ערשטע העלפט פון וועלכע זיינען ענליך און די צווייטע העלפטן זיינען פאַרשיידענע.

די דערציאונג איז געווען אַ פרייע (ניט אין רעליגיעזן זין), ווייל די מוטער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט איר באַלעבאַטישקייט און דער פאָטער איז תמיד געשעפטלעך אַרומגעפאָרן. 7 קינדער זיינען זיי געווען, 5 ברידער און 2 שוועסטער. איינער פון די עלטערע ברידער (איצט אַ מעדיצין־דאָקטאָר אין ניו־יאָרק, רעדאַגירט אַ העברעאישן מעדיצינישן זשורנאַל „רפואה״) איז געווען אַ גרויסער מתמיד און מיט דער דאָזיקער התמדה האָט ער אַ ביסל פאַרערנסט זייער לעבנס־לוסטיקייט. אויסער די למודי־קדש פריער אין חדר און דערנאָך ביי ספּעציעלע תלמדים אין די ווינטערדיקע פראָסטיקע פאַרטאָגשעהן, האָט זיי אַ לייכטערן אָפּרו פאַרשאַפט די ביכער־שאַפע, וועלכע איז געווען אַ זאַמלונג פון אַלערליי ספרים, אַנהויבנדיק פון ספרים יקרי המציאות, וועלכע האָבן געקאָסט אין די שווערע צענדליקער רובלס, און ענדיקנדיק מיט מאַפּו. און דאָ הויבט זיך אָן די כאַראַקטעריסטישע פאַר יענער צייט אַנטוויקלונג פון דער יידישער יוגנט: השכלה־ביכער, בלאָטשטיינס גראַמאַטיק — און אַ עקסטערן אין אַ גרויסער שטאָט, שאַפנדיק זיך עקסיסטענץ־מיטלען דורך לעקציעס פון תלמוד און העברעאיש. און באַטייליקנדיק זיך אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דורך עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אויף אַלגעמיינע און הויפּטזעכלעך יוגנט־פאַרזאַמלונגען. ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צוליב די באַגרענצונגען פאַר יידן צו שטודירן, פאָרט א. ג. לערנען אין ביירוט: אַ׳ לערנען, אַ׳ זיין נאָענט צו אַ״י.

אומקערנדיק זיך פון דאָרטן, פאַרנעמט ער זיך מיט לערעריי, אַלס פּראָפּיוסיט. זייענדיק לויט דער איבערצייגונג אַ ציוניסט, איז ער די גאַנצע צייט געשטאַנען נאָענט צום העברעאישן שולוועזן. אָנהויבנדיק פון יאָר 1908 האָט ער פון צייט צו צייט מיטגעאַרבעט אין דער פּראָווינציעלער א. א. פּרעסע („גוט מאָרגן״, אָדעס; „פּאָסלעדנ. נאָוואָסטי״, קיעוו; „פּינסקער שטימע״; „פּאָלעסיער נייעס״; „דאָס קינד״; „דאָס שוצלאָזע קינד״, וואַרשע).

מיטן אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, ווען ס׳אָרגאַניזירט זיך דער קיעווער יידישער קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון דער מלחמה (קאָפּע), ווערט ג. איינגעלאַדן צווישן די ערשטע באַפולמעכטיקטע אויף אָרגאַניזירן די הילפס־אַרבעט. די מאַטעריאַלן וועגן דער דאָזיקער אַרבעט זיינען סיסטעמאַטיזירט און צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ קאָלעגיע, וועלכער איז באַשטאַנען פון די ה״ה: נ. גערגעל, ב. סלוצקי, ה. לעווין און אים, אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון דאָבין (שמעוני). די מאַטעריאַלן זיינען ניט פּובליקירט געוואָרן. געווען אַ באַפולמעכטיקטער פון דער היאַס־עמיגראַנטישער געזעלשאַפט.

אין יאָר 1921 האָט ער איבערגענומען די אָנפירונג פון ראָוונער הילפס־קאָמיטעט. וועלכער האָט אין יענער צייט געפירט אַ גרויסע אַרבעט למובת די רעעמיגראַנטן און היימלאָזע פון רוסלאַנד. אין יאָר 1923 איז ער אַריבער צו דער יתומים־אַקציע פריער אַלס פאָרזיצער פון עקזעקוטיוו פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג אויף וואָלין, דערנאָך אַלס לייטער פון דער פּאָלעסער צענטראַלע און פון יאָר 1920 אַלס לייטער פון פאַרבאַנד פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג אין פּוילן.

גאָלדמאַן אברהם, ד״ר מעד. געבאָרן אין יאָר 1880 אין כעלם (לובלינער געגנט). דער פאָטער איז געווען אַ סוחר, די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ רבנישער פאַמיליע, דער זיידע איז געווען פּסקאָווער רב (גלייכצייטיק אויך ראַבינער) און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין שטאָט און אומגעגנט.

צוערשט געלערנט אין חדר, דערנאָך אָנגעקומען אין רעגירונגס־גימנאַזיע. גלייכצייטיק אָבער האָט ער געלערנט ביי אַ יידישן לערער, וועלכער האָט געשטאַמט פון ליטע.

נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז ער אַריבערגעפאָרן אין פּסקאָוו און מיט גרויס מי (נאָך אַ פּערזענלעכער אויסדריקלעך ביים בילדונגס־מיניסטער) איז ער אָנגעקומען אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט און אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין. בעת זיינע באַזוכן אין פּסקאָוו האָט ער צונויפגעזאַמלט די צעשפּליטערטע האַלב אַסימילירטע־יוגנט און געבילדעט דאָרט אַ קרייז פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וועלכער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג און צוגעצויגן אַ סך מיטגלידער. האָט אויך פיל מיטגעהאָלפן צו דער רעאָרגאַניזירונג פון דער פּסקאָווער קהילה אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

בעתן אויסברוך פון דער פעברואַל־רעוואָלוציע אין יאָר 1917 איז ג. געווען אין פּעטערבורג און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט, זייענדיק אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די מיטגלידער פון דער נייער רעגירונג.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך איבערגעקליבן אין ווילנער קאַנט און אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר דער יידישער וועלטלעכער שול און קולטור. אין יאָר 1919 האָט ער לויטן אויפטראָג פון גענעס קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ געגרינדעט אַ יידישע שול אין פּאָדבראָדז. שוין פון די ערשטע חדשים פון זיין שול־אַרבעט האָט ער געשטרעבט צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל פאַראייניטלעכן די שול־אַרבעט און פאַרבינדן צווישן זיך די לערער פון דער ווילנער פּראָווינץ. ער האָט גענומען

אויף זיך די איניציאטיוו צו גרינדן אזא ארגאניזאציע און צוזאמען מיט די לערער ש. באסטאמסקי און מ. שור איז דורכגעפירט געווארן די פאראייניקונגס-ארבעט.

אן אלגעמיינע קאנפערענץ פון אלע פראווינץ-לערער איז צונויפגערופן געווארן דורך „יעקאפא“ אין יאר 1921. דאן איז פארגעקומען א שפאלטונג צווישן די יידישיסטישע און העברעאיסטישע לערער (ז. אויבן, זייטן 33—36). ס׳האט זיך אויסגעבילדעט א צענטראלע פון די יידיש-וועלטלעכע שולן, אונטערן נאמען „יידישע שול-ארגאניזאציע פאר ווילנער געגנט“ און ג. איז אויסגעקליבן געווארן אין עקזעקוטיוו פון דער צענטראלע. אין הארבסט 1921 איז ג. אריבערגעפארן קיין ווילנע און איז איינגעלאדן געווארן אויפן פאסטן פון פארוואלטער מיט די ענינים פון דער שול-ארגאניזאציע און סעקרעטאר פון עקזעקוטיווע. דא האט ער אנגעהויבן צו פירן אן אינטענסיווע ארבעט צוזאמען מיט די צוויי איבעריקע מיטגלידער פון פרעזידיום — ח״ח ב. לובאצקי און א. קליאנסקי.

שטייענדיק אין משך פון 7 יאר ביים רודער פון דער שול-ארגאניזאציע, האט ער גלייכצייטיק פארגעזעצט זיין בילדונג, שטודירנדיק מעדיצין אין ווילנער אוניווערזיטעט. ער האט דעם אוניווערסיטעט פארענדיקט מיט אן אויסצייכנונג און האט זיך אפגעגעבן כמעט אויסשליסלעך דער פאכמענישער ארבעט, האט אויך געדרוקט ארטיקלען איבער פאלקס-היגיענע אין „פאלקס-געזונט“. ג. איז דאקטאר און פארטרעטער פון שעף-דאקטאר אין שפיטאל „משמרת חולים“ אין ווילנע.

גומענער אליהו, ז. ווייטער „גרעסערע ביאגראפישע מאטעריאלן און אויטאביאגראפיעס“.

גורדוס יצחק. געבארן אין ווילנע אין יאר 1892. באזוכט א חדר, פאלקסשול און דעם לערער-אינסטיטוט אין ווילנע. מיטן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה מיטגעארבעט אין הילפס-קאמיטעט אין ווילנע ביז דער עוואקואציע אין יאר 1915. בעת דער דייטשער אקופאציע געווען טעטיק אין פארשיידענע יידישע הילפס-קאמיטעטן אין ווילנע.

אין 1918 באזעצט זיך ג. אין ניי-סווענציאן אלס פארוואלטער פון דער יידישער פאלקס-שול. גענומען די גאנצע צייט אן אקטיוון אנטייל אין קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון שטעטל און געגנט. געווען איינער פון די גרינדער פון דער ניי-סווענציאנער יידישער פאלקסבאנק, גמילות-חסדים-קאסע, יידישער פאלקס-ביבליאטעק וכדומה.

זינט 1919 איז ג. געווען לאווניק פון ניי-סווענציאנער מאגיסטראט און א לענגערע צייט אויך מיטגליד פון קרייז-סיימיק. ג. איז א מיטגליד פון פלענום פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“ און פון ראט פון דער צענטראלער יידישער קאאפ. פאלקס-באנק אין ווילנע. זיך באטייליקט אין די געגנט-קאנפערענצן פון „יעקאפא“ און פיל מיטגעהאלפן דער ארבעט פון קאמיטעט.

גורוויטש העשל. געבארן אין יאר 1881 אין סווענציאן. אינקורצן האט זיך די פאמיליע באזעצט אין ניי-סווענציאן, וואו דער פאטער האט זיך פארנומען מיט מאלעריי, ארבעטנדיק אויף דער פעטערבורג-ווארשעווער אייזנבאן-ליניע. ביז 14 יאר געלערנט אין חדר און גלייכצייטיק געענדיקט די רוסישע פאלקס-שול. צוליב דער שווערער עקאנאמישער לאגע פון די עלטערן איבערגעריסן דאס לערנען און געווארן א האנדלס-אנגעשטעלטער.

אנהויב 1908 געקומען אין ווילנע, געארבעט אלס אנגעשטעלטער, באזוכט די יידישע אוונט-שול, ביים אויפלעבן פון די בונדישע קרייזלעך אקטיוו געארבעט אין געהיימען האנדלס-אנגעשטעלטן קרייזל אין ר׳ לייזערס הויף, ווי אויך אויף געהיימע פארזאמלונגען אויף נאווגאראד און אנטאקאלער וועלדער ביים פארשפרייטן לעגאלע און אומלעגאלע ליטעראטור. ארבעטנדיק אין „בונד“, נים מסכים געווען מיט דער שטעלונג פון דער פארטיי צו דער נאציאנאלער פראבלעם און זיך שפעטער דערנענטערט צו די טעריטאריאליסטן.

אין יאר 1915 פארלאזן ווילנע און באזעצט זיך אין ניי-סווענציאן. אקטיוו געארבעט אין שטאטישן הילפס-קאמיטעט, ווי אויך פאר די היימלאזע פון „פאליגאן“. מיטגעווירקט צו פארוואנדלען די דייטשע שול פאר יידן אויף א ריין-יידישע שול. ביים גרינדן דעם געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“ אין ווילנע געשטעלט זיך גלייך מיט אים אין א פארבינדונג און אקטיוו געארבעט אויפן געביט פון הילף פאר די היימלאזע און יתומים. א געוויסע צייט געווען פארוואלטער פון היימלאזן-פונקט אין ניי-סווענציאן ביי „יעקאפא“, ווי אויך באדינט דעם ראיאן ביים פארבינדן די קרובים דורך „היאס“. אלס מיטגליד פון פלענום „יעקאפא“ ווי אויך מיטגליד פון ראט פון דער צענטראלער פאלקס-באנק זיך באטייליקט אין אלע אויפבוי-ארבעטן אין סווענציאנער געגנט, אנטיילגענומען אין דער ערשטער געגנט-קאנפערענץ פון „יעקאפא“ אין יאר 1919 און אין פארשיידענע שפעטערדיקע בעראטונגען פון געגנט-קאמיטעט און האט פיל מיטגעהאלפן דער ארבעט פון „יעקאפא“. אויפן קולטורעלן געביט געארבעט לטובת די יידיש-וועלטלעכע שולן אויף דער פראווינץ.

ביים אנהויב פון די גרעסערע עליות אין ארץ-ישראל אין יאר 1920 גייסטיק זיך דערנענטערט צום פועלי-ציוניזם. אנהויב 1925 עמיגרירט קיין פאלעסטינע. געארבעט אלס בעל-עגלה, מאלער און ביים פארפערטיקן שפייז פאר הינער. געווען א מיטגליד פון „הסתדרות העובדים“ און א חבר פון „אחדות העבודה“. פארלאזן די פארטיי, נים ווייניק מסכים מיט איר שטעלונג צו געוויסע יידישע פראבלעמען. אינמיטן 1929 פארלאזן ארץ-ישראל צוליב פאמיליען-סיבות און זיך צוריקגעקערט קיין ניי-סווענציאן און ווילנע. מיטארבעטער פון פנקס פון „יעקאפא“.

גיטערמאן יצחק. ז. ווייטער.

גערגעל נחום. געבארן אין ראכמיסטריווקע, קיעווער גובערניע, דעם 4 אפריל 1887. באקומען א שטרענג-פאטריארכאלע יידישע דערציאונג. געלערנט גמרא און פוסקים. צו 18 יאר ווערט ג. אן עקסטערן, ענדיקט אין 1909 די גימנאזיע און קומט אן אין קיעווער אוניווערסיטעט אויפן יורידישן פאקולטעט. שוין פריער האט ג. אנגעהויבן זיך באטייליקן אין פאליטישע ארגאניזאציעס. א קורצע צייט אין „בונד“ און שפעטער אין ס. ס. אין די סטודענטישע יארן גייט ג. אריין אין די אנפירנדיקע ארגאנען פון די יידישע סטודענטישע ארגאניזאציעס, באטייליקט זיך אויך אקטיוו אין א ריי אלגעמיינע יידישע געזעלשאפטן, ווי „חברה מפיצי השכלה“, „געז. צו רעגולירן די יידישע עמיגראציע“ א. א. גלייכצייטיק פירט ער

אין אומלעגאַלע פּאַרטיי-אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער.

נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט פאָרט ג. אַריבער אין יאָר 1911 קיין פּעטערבורג. שוין אין אַ קורצער צייט אַרום, אין יאַנואַר 1915 פאָרט ער אַרויס אויפן פראָנט אַלס באַפולמעכטיקטער פון פּעטערבורגער „יעקאָפּאָ“ אין קיעלצער גובערניע. גלייכצייטיק מיט דער הילפס-אַרבעט באַטייליקט

זיך ג. אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פאַרטיידיקונג פון יידן קעגן דעם שפּיאָנאַזש-בלבול און זאַמלט-מאַטעריאַלן וועגן די רדיפות אויף יידן מצד דער צאַרישער אַרמיי, באַזונדערס וועגן די ערבות-לייט, וואָס מ׳האָט גענומען ספּעציעל פון דער יידישער באַפעלקערונג לויטן באַפעל פון הויפּט-קאָמאַנדיר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. בעת דער אַרויסשיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון קאָוונער גוב. און קורלאַנד קומט ג. קיין ווילנע; וואו ער באַטייליקט זיך אין דער אויסאַרבעטונג פונם עוואַקואַציע-פּלאַן פון די היימלאָזע און אַרויסגעשיקטע און פאָרט אַריבער אויפן רעכטן דניעפּר-ברעג קיין פּאָלטאַווער גובערניע, כדי צו אָרגאַניזירן די אויפנאַמע פון די אַרויסגעשיקטע. ג. באַטייליקט זיך אויך אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די הילפס-קאָמיטעטן אין קיעוו, וואו ער האַלט אַ רעפעראַט איבער דעם אַלגעמיינעם אָרגאַניזיר-פּלאַן פון דער אַרבעט פאַר די מלחמה-געליטענע. אין אויגוסט 1915 קומט ג. ווידער קיין ווילנע פאַר דער עוואַקואַציע פון דער שטאָט דורך דער רוסישער אַרמיי. פון סעפּטעמבער 1915 ווערט ג. באַשטימט אַלס באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאָ“ אין מינסקער גוב., וואו ער שטייט כמעט אַ יאָר צייט בראש פון דער גאַנצער הילפס-אַרבעט. אָרגאַניזירט די פאַרטיידיקונג אין די יידישע בלבול-פּראָצעסן. פון סעפּטעמבער 1916 אַרבעט ג. אין פּעטראָגראַד אין צענטראַלן קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ“, וואוהין ער ווערט אויסגעקליבן (צוזאַמען מיט א. יאַפּע - דעבאָרין און ד. כאַזאַן) אַלס פאָרטרעטער פון די באַפולמעכטיקטע און סעקרעטאַריאַט. ג. ווערט דאַן אויך אויסגעקליבן אין דער צענטראַל-ביוראָ פאַר הילף דורך אַרבעט ביי „אָרט“.

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין פעברואַר 1917 גייט ג. אַריין אַלס פאָרטרעטער פון ס. ס. אין פּעטערבורגער סאָוועט פון אַרבעטער- און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן. אויף דער קאָנפערענץ פון ס. ס. ווערט ג. אויסגעקליבן אין צ. ק. און נאָך דער פאַראייניקונג פון ס. ס. מיט י. ס. — אין צ. ק. פון די „פאַראייניקטע“. ג. פירט אָן אַקטיווע פּאָליטישע אַרבעט אין די אַלגעמיינע און יידישע אָרגאַניזאַציעס, זעצט אָבער גלייכצייטיק פאָר זיין טעטיקייט אין „יעקאָפּאָ“ ביז יולי 1917, ווען ער ווערט פון דער פּאַרטיי דעלעגירט קיין מינסק און ווערט דאָרט אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט אין גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

אָנהויב 1918 פאָרט ג. אַרויס קיין אוקראַינע, וואו ער ווערט באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון דער אַלגעמיינער קאַנצעלאַריע פונם יידישן מיניסטעריום. נאָך דער העטמאַנישער איבערקערעניש אין אַפּריל 1918 פאַלט אויף ג. אויס דער גורל פאַקטיש צו אָנפירן מיט דער אַרבעט פון מיניסטעריום און מיט דער ליקווידאַציע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע. וועגן דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט ג. אָנגעשריבן אַ גרעסערע מאָנאָגראַפיע „דאָס יידישע מיניסטעריום אונטערן העטמאַן“, וועלכע האָט צוליב דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש ניט געקאָנט געדרוקט ווערן. אויך אין דעם דאָזיקן פאַראַנטוואָרטלעכסטן פּעריאָד פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט האָט ג. ניט איבערגעריסן מיט דער הילפס-אַרבעט: אין מאַי 1918 ווערט ער אויסגעקליבן אַלס פּרעזידיום-מיטגליד פונם צענטראַלן אוקראַינישן יידישן הילפס-קאָמיטעט אין קיעוו („קאָפּע“) און בלייבט אויף דעם פּאָסטן (שפּעטער אויך אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר) ביזן אָפּפאָר פון רוסלאַנד אין יאָר 1921.

בעת דער שרעקלעכער פּאָגראָם-כוואַליע אין אוקראַינע טרעט ג. אָנהויב 1919 אַריין אַלס פּרעזידיום-מיטגליד אין צענטראַלן יידישן הילפס-קאָמיטעט פאַר פּאָגראָם-געליטענע. ג. ווערט אויך איינגעלאַדן אַלס פאַרוואַלטער פון דער צענטראַלער סעקציע פאַר הילף די פּאָגראָם-קרבנות ביים פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. אין דעצעמבער 1919 ווערט ג. אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער פונם פּאָגראָם-קאָמיטעט ביים רויטן-קרייץ און בלייבט אויפן פּאָסטן ביז מאַי 1920, ווען דער קאָמיטעט איז ליקווידירט געוואָרן דורך דער סאָוועט-רעגירונג.

נאָך דער גרינדונג פון „יידגעזקאָם“ אין יולי 1920, ווערט ג. אויסגעקליבן אַלס פאָרטרעטער פון די געז. אָרגאַניזאַציעס אין קאָמיטעט און שפּעטער אויך אין פּרעזידיום. אין פעברואַר 1921 טרעט ער אַרויס לויטן באַשלוס פון די געז. אָרגאַניזאַציעס פון „יידגעזקאָם“ און באַשליסט עמיגרירן קיין אויסלאַנד. די גאַנצע צייט פון דער אוקראַינישער פּאָגראָם-כוואַליע האָט ג. סיסטעמאַטיש געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן די פּאָגראָמען.

אין דעצעמבער 1921 קומט ג. קיין בערלין, וואו ער טרעט צו צוזאַמען מיט מ. קריינין און אַ ריי אַנדערע געז. טוער צו דער שאַפונג פון „אָזע“ אין אויסלאַנד. אין 1922 ווערט ג. אויסגעקליבן אַלס פּרעזידיום-מיטגליד פון פאַרבאַנד „אָזע“ און רעדאַקטאָר פונם פאַרבאַנד-אָרגאַן (ביולעטין). ג. אַרבעט אויך אַקטיוו אין „מזרח-יידישן היסטאָרישן אַרכיוו“, וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די מאַטעריאַלן פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, און אויך אין אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אין 1923 ווערט ג. אויסגעקליבן אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פונם אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פונם אויפבוי-פאָנד ביים פאַרבאַנד „אָרט“. אין 1925 פאָרט ג. קיין אַמעריקע אַלס מיטגליד פון דער „אָזע“-דעלעגאַציע. די גאַנצע צייט ווידמעט ג. הויפּטזעכלעך זיין אויפמערקזאַמקייט דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. זייט 1926 איז ג. אַ מיטאַרבעטער פון „דזשוינט“ בנוגע רוסישע פראַגן. ג. באַשעפטיקט זיך אויך מיט זשורנאַליסטיק און דרוקט פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין פאַרשיידענע אָרגאַנען אין אייראָפּע און אַמעריקע און האָט אין יאָר 1929 פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט איבער „די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד“ (פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ, וואַרשע). ג. איז אויך אַן אַקטיווער מיטגליד פון בערלינער קאָמיטעט פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע און אויף דער קאָנפערענץ פון ייוואָ (ווילנע, 24—27 אָקטאָבער 1929) איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס קאַנדידאַט אין צענטראַל-פאַרוואַלטונג און מיטגליד פון דער עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישער סעקציע.

גראָדזענסקי ר׳ חיים עוזר, ז. ווייסער.

דובין שלמה חיים. געבאָרן אין יאָר 1885 אין דאָרף באַלאַשי, ווילייקער קרייז. זיין פאָטער, אַ געוועזענער ישיבה-בחור און תלמיד-חכם, האָט געשטאַמט פון אַסטיבאָווע ביי וואָלקאָוויסק און איז אָנגעקומען אַלס איידעם צו אַ רייכן ישובניק. אין יאָר [illegible] זיך באַזעצט אין ווילייקע. געלערנט ביי מלמדים, געענדיקט די רוסישע שטאָט-שול אין ווילייקע. אַ קורצע צייט פאַרנומען זיך מיט לערעריי. געווען פאַרמאַצעווט אין אוקראַינע, אומקערנדיק זיך אין פוילן פאַרנעמט זיך מיט געשעפטן אַלס גרעסערער סחור-אונטערנעמער.

פאַר דער רוסישער אָקטאָבער-רעוואָלו-

ציע אין יאר 1917. נעמט ער אן אנטייל אין צוזאמענפאר פון די רוסישע פראנט-סאלדאטן אין ווילייקע, וואו ער טרעט ארויס אלס אפיציעלער ציוניסט און פארטיידיקט די גרינדונגס-פארזאמלונג און די צייטווייליקע רעגירונג. בעת דער דייטשער אקופאציע סוף 1918, באטייליקט ער זיך אלס דעלעגאט אויפן ערשטן ציוניסטישן צוזאמענפאר אין ווילנע. געלעבט אין קאוונע און בערלין און אין יאר 1920, נאך דער פויליש-רוסישער מלחמה, קערט ער זיך אום צוריק אין ווילייקע און פארבינדיק זיך מיטן געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“ אין ווילנע, ווערט ד. זיין שטענדיקער מיטארבעטער אויף אלע פארשיידענע געביטן פון זיין טעטיקייט (ווילייקע איז דאן געווען איינער פון די פונקטן אויף דער לאנגער פויליש-רוסישער גרעניץ, דורך וועלכער ס׳זיינען דורך אין די ערשטע 2–3 יאר טויזנטער רעעמיגראנטן, אויך פיל הונדערטער עמיגראנטן פון פוילן קיין רוסלאנד, וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געווארן פון די גרעניצן פון דער פוילישער רעפובליק קיין רוסלאנד) און ביי זיין טאג-טעגלעכער ארבעט פאר היימלאזע און רעפאטריאנטן, רעעוואקואציע, יורידישע הילף, עמיגראציע-טעטיקייט, אויפבויאונג פון די חרוב-געווארענע פון דער מלחמה בנינים, יתומים-הילף און קינדער-פארזארגונג, קולטורעלע טעטיקייט, גרינדונג פון גמילות-חסדים-קאסע א. אז. וו. ד. האט זיך באטייליקט אין די „יעקאפא“- און קהילות-צוזאמענפארן. גלייכצייטיק איז ער טעטיק אלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער ארבעטס-פארטיי „התאחדות“. פון יאר 1924 ביז 1928 איז ד. געווען דער אפיציעלער ארויסגעבער פון דער ווילנער טעגלעכער צייטונג „צייט“. פון יאר 1921 נעמט ער א גרויסן אנטייל אין דער קהילה-טעטיקייט אין ווילייקע און ווערט אויסגעקליבן אלס יושב-ראש פון דער קהילה פון דעם ערשטן מאמענט פון איר גרינדונג און ווען אין יאר 1928 זיינען פארגעקומען די אפיציעלע וואלן לויטן דעקרעט פון דער מאכט אין ווילייקע און אין דער שכונהדיקער שטעטל קורעניץ, ווערט ד. ווידער איינשטימיק אויסגעוויילט אלס פארזיצער פון דער קהילה, וועלכן פאסטן ער פארנעמט ביז היינטיקן טאג. אין 1927 ווערט ער אויך אויסגעוויילט אלס ראטמאן פון ווילייקער שטאטראט און דורכן לעצטן אלס יידישער מיטגליד אין קרייז-סיימיק.

אין די ארבעטן פון ווילייקער קאמיטעט פון „יעקאפא“ (און קהילה) ביי דער אויפריכטונג פון דער חרוב-געווארענער שטאט האבן צוזאמען מיט ד. זייער פיל מיטגעווירקט די ה״ה יעקב צבי קאפעליאוויטש און יהודה פריירום.

דאמעראצקי אלי׳. געבארן אין יאר 1894 אין רייגראד, לאמזשער גובערניע, אריבערגעפארן אין דער שכונהדיקער שטעטל אווגוסטאוו, סוואלקער גובערניע, זיך געלערנט אין חדר, געענדיקט די ווילקאווישקער גימנאזיע מיט א מעדאל אין יאר 1913, אבער צוליב די פאראָרדענונגען פון דעמאלטיקן רוסישן בילדונגס-מיניסטער קאסא, קען ער ניט אנקומען אין אוניווערסיטעט. ער ארבעט אלס לערער און בוכהאלטער אין קאלוויניאן, אווגוסטאוו און ביאליסטאק.

אין געזעלשאפטלעכן לעבן ווערט ד. אריינגעצויגן אלס 12—13 יאריקער יינגל. אלס שילער פון גימנאזיע הויבט ער אן צו ארבעטן צווישן די בערשטער (אין ווילקאווישק איז דאן געווען א גאנץ גרויסע בערשטער-אינדוסטריע) און נעמט אין דער ארבעטער-באוועגונג.

נאכן אויסברוך פון דער מלחמה באזעצט זיך ד. אין ביאליסטאק און ווען די שטאט ווערט פארנומען דורך די דייטשן, ארבעט ער אין א דייטשישער פאלקסשול פאר יידישע קינדער, וואו צוזאמען מיט א גרופע חברים ארגאניזירט ער א ברייטע אקציע פאר איינפירן אין די דאזיקע שולן די יידישע לימוד-שפראך. די דייטשישע שול-מאכט דראט מיט רעפרעסיעס, די אקציע ווערט אבער ווייטער געפירט און געקרוינט מיט דערפאלג. שפעטער ווערט ד. א פארוואלטער פון א יידיש-וועלטלעכער פאלקסשול. ווען די פאליאקן פארנעמען ביאליסטאק, קומט ד. אן אויפן פילאזאפישן פאקולטעט פון קראקעווער אוניווערסיטעט, מוז אבער איבעררייסן זיין שטודיע צוליב פאמיליע-ענינים. ער ווערט סעקרעטאר פון דער געזונטהייטס-אפטיילונג ביי דער ביאליסטאקער קהילה, העלפט מיט צו ארגאניזירן די געזעלשאפט „אזע“ און ווערט איר ערשטער סעקרעטאר. אין 1921 נעמט ער איבער דעם פאסטן פון סעקרעטאר פון דער קרייז-קאמיסיע פאר יתומים-פארזארגונג. אין א יאר ארום ווערט ער אויסגעוויילט אלס פארוואלטער פון דער הויפט-ביורא פון דער „ביאליסטאקער געזעלשאפט פאר יתומים-פארזארגונג“, וואס נעמט איבער די ארבעט פון ד. ר. ק. אין ביאליסטאקער ראיאן. אויף דעם דאזיקן פאסטן פארבלייבט ער ביז אויף היינטיקן טאג. ער ארבעט גלייכצייטיק מיט אין „ארט“ און „טאז“ אלס פארוואלטונגס-מיטגליד (ביז מיטן 1928). גרויס ענערגיע גיט ער אפ דער יידישער שול-ארגאניזאציע אין ביאליסטאק, וואו ער איז זייט 1925 וויצע-פארזיצער. האט אין די יארן 1927—1928 רעדאגירט דעם זשורנאל פון ביאליסטאקער יתומים-צענטראלע „פארן יידישן קינד“, האט זיך אויך באטייליקט אין די אויסגאבעס פון יתומים-פארבאנד און פון צייט צו צייט אין דער ארטיקער פרעסע. פון 1924 איז ד. מיטגליד פון פלענום פון יתומים-פארבאנד, פון סוף 1928 — מיטגליד פון עקזעקוטיווע.

דיזשור אליהו. געבארן אין יאר 1896 אין זוועניגאראדקע, קיעווער גובערניע. אין 1913 געענדיקט די מיטל-שולע. 1913—1914 שטודירט יורי אין ציריך. נאך דעם אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד. ביזן סוף 1917 שטודירט אויפן יורידישן פאקולטעט פון פסיכא-נעווראלאגישן אינסטיטוט אין פעטערבורג. אין 1918 פארענדיקט דעם יורידישן פאקולטעט אין קיעווער אוניווערסיטעט. 1916—1917 געווען סעקרעטאר פון דער רעדאקציע פון רוסישן וויסנשאפטלעכן זשורנאל „וועסטניק זנאניא“ און מיטארבעטער פון אנדערע רוסישע מאנאטס-שריפטן. 1918—1919 געווען מיטגליד און סעקרעטאר פון דער יידישער פאלקספארטיי אויף אוקראינע און קאנדידאט צו דער יידישער גרינדונגס-פארזאמלונג פון אומאניער קרייז.

אנהויב 1921 פארלאזן רוסלאנד און ביז 1923 טעטיק אלס סעקרעטאר פון „צענטראלן אוקראינישן קאמיטעט“ אין פוילן, וועלכער האט זיך ספעציעל באשעפטיקט מיט דער יידישער מאסן-עמיגראציע פון אוקראינע און רוסלאנד. צו דער זעלבער צייט צוערשט קאאפטירטער און דערנאך אויסגעוויילטער מיטגליד פון צ. ק. פון דער „יידישער פאלקס-פארטיי“ אין פוילן.

פון 1923 ביז 1925 סעקרעטאַר און פון 1925 ביז 1927 שטעלפאַרטרעטנדער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „עמיגדירעקט" אין בערלין. זייט 1924 מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון „היקעם" („היאַס־יקאַ־עמיגדירעקט"). פאַר דעם פּעריאָד פאַרעפנטלעכט אַ ריי ספּעציעלע אַרטיקלען וועגן עמיגראַציע־פראַגן אין די זשורנאַלן „דער וועג" און „די יידישע עמיגראַציע". מיטאַרבעטער פון דער ענציקלאָפּעדיע (דייטש) „יידישעס לעקסיקאָן" (יידישער פאַרלאַג, בערלין 1928—1930, פינף בענדער). פאַרעפנטלעכט אַ בוך (יידיש) אויף דער טעמע „די מאָדערנע פעלקער־וואַנדערונג, די אייראָפּעאישע אויסוואַנדערונגס־באַוועגונג און די עמיגראַציע־פּאָליטיק" (פאַרלאַג „היאַס־עמיגדירעקט", בערלין 1929, ז. 104, מיט אַ הקדמה פון פּראָפ. ד״ר ל. הערש).

העלד אַדאָלף. געבאָרן אין בריסלאָוו (מזרח־גאַליציע) אין יאָר 1885. בילדונג באַקומען אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. אין יאָר 1917 אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון ניו־יאָרקער שטאַטראַט. געווען דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס". אין יאָר 1920 געקומען קיין פּוילן אַלס איינער פון די ערשטע פאָרשטייער פון „היאַס" און האָט דאָ אַנטוויקלט אויף דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן עמיגראַציע־געביט זייער אַ גרויסע טעטיקייט. ביי דער דאָזיקער אַרבעט אויך געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די טוער פון „יעקאָפּאָ". ביי זיין עמיגראַציע־טעטיקייט אין ווארשע האָט אים אויך מיטגעהאָלפן זיין פרוי. זיך באַטייליקט אין יידישן עמיגראַציע־צוזאַמענפאָר אין פראַג אין יאָר 1921. געגעבן די איניציאַטיוו און געהאָלפן גרינדן דעם „עמיגדירעקט". אין יאָר 1924 זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע און געוואָרן וויצע־פאָרזיצער פון אַרבעטער־באַנק („אַמאַלגאַמייטעד־באַנק, פון די פאַראייניקטע יידישע שניידער) אין ניו־יאָרק.

וואָלמאַן לייב, ד״ר. געבאָרן אין יאָר 1887 אין בערדיטשעוו. געענדיקט די גימנאַזיע אין נאָוואָ־אַלעקסאַנדריע (לובל. גוב.) אין יאָר 1909 און דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון ווארשעווער אוניווערסיטעט אין יאָר 1916. מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען נאָך אין די סטודענטישע יאָרן. אַזוי אָרגאַניזירט ער די פאָרשטייערשאַפט פון די ווארשעווער יידישע סטודענטן צום ערשטן יידישן סטודענטן־קאָנגרעס אין דאַרמשטאַט אין יאָר 1911, האָט אויך אָרגאַניזירט צווישן די סטודענטן אַ קרייז צו קעמפן קעגן שמד, וואָס האָט זיך דעמאָלט זייער פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט א. אַ. וו. זייענדיק אין אוניווערסיטעט פאַרנעמט ער זיך אויך מיט זשורנאַליסטיק און דרוקט קאָרעספּאָנדענציעס און אַרטיקלען וועגן ווארשעווער יידישן לעבן אין די קיעווער רוסישע צייטונגען. ער איז אויך אַ לענגערע צייט דער ווארשעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער טעגלעכער צייטונג „פאָלקסשטימע" אין בערדיטשעוו (1912).

מיט דעם אויסברוך פון דער מלחמה פאַרלאָזט ער ווארשע, ווערט מאָביליזירט און באַנייט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ערשט אין ראָסטאָוו־דאָן, וואו ער גיט אָפּ דעם דאָקטאָר־עקזאַמען ביים ווארשעווער אוניווערסיטעט, וועלכער איז אַהין עוואַקואירט געוואָרן. אין ראָסטאָוו אָרגאַניזירט ער אויך צוזאַמען מיט פּראָפ. כמעליעווסקי און רעד. בערעזאָווסקי די ראָסטאָווער אָפּטיילונג פון דער רוסישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט ווערט ער באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פון דער מעדיצינישער אָפּטיילונג פון עמיגראַציע־אַמט ביים רויטן קרייץ אין כאַרקאָוו און שפּעטער אַלס פאַרוואַלטער פון דער זעלבער אָפּטיילונג אין הויפּט־עמיגראַציע־אַמט אין אוקראַינע.

אין יאָר 1921 קערט ער זיך צוריק אום קיין ווארשע, וואו ער ווערט אָרדינאַטאָר אין סאַנאַטאָריע פון „בריאות" אין אָטוואָצק. אין איינקע חדשים אַרום ווערט ער פאַרוואַלטער פון דער מעדיצינישער סעקציע ביי דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. גלייכצייטיק דרוקט ער אַ ריי אַרטיקלען אין דער ווארשעווער פּרעסע („היינט", „דער עמיגראַנט") וועגן דער לאַגע און די נויטן פון־די יידישע היימלאָזע.

אין יאָר 1922 ווערט ער באַשטימט אַלס געהילף־דירעקטאָר פון מעדיצינישן דעפּאַרטאַמענט פון „דזשוינט" אין ווארשע.

אין יאָר 1923 ווערט ער געוויילט אַלס דירעקטאָר פון „טאָז", וועלכן אַמט ער פאַרנעמט ביז אויף היינטיקן טאָג.

אין יאָר 1927 גיט אַרויס אין ווארשע אונטער זיין רעדאַקציע דאָס בוך „5 יאָר טעטיקייט פון „טאָז" (1922—1926)". אין יאָר 1928 (24—25 יוני, ווארשע) ווערט לויט זיין איניציאַטיוו גערופן דער ערשטער יידישער דאָקטוירים־צוזאַמענפאָר, וועמענס אַרבעטן ער גיט אַרויס אין יאָר 1929 אין אַ גרעסערן וויסנשאַפטלעכן ווערק: „שריפטן פון 1־טן לאַנד־דאָקטוירים־צוזאַמענפאָר פון טאָז" (ווארשע, 1929). ביידע ביכער זיינען אַ וויכטיקער ביישטייער אין דער מעדיצינישער ליטעראַטור אויף יידיש.

פון יאָר 1928 רעדאַגירט ער אויך די מאָנאַטלעכע צייטשריפט „טאָז־ידיעות", וואָס באַהאַנדלט וויסנשאַפטלעכע פראַגן פון סאָציאַלער מעדיצין און היגיענע ביי יידן.

ער אָרגאַניזירט אויך אָפּטיילונגען פון דער יידישער מעדיצינישער טעטיקייט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַניטאַר־מעדיצינישער אויסשטעלונג אין ווארשע און אויף דער אַלגעמיינער לאַנד־אויסשטעלונג אין פּויזן (1929).

ד״ר וואָלמאַנען געהערט די איניציאַטיוו פון שאַפן די פאַראייניקונג פון די 4 גרעסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן („אָרט", „טאָז", „יעקאָפּאָ" און „צענטאָס"—יתומים־פאַרבאַנד) א. נ. „אויפבוי און זעלבסטהילף" פאַרן צוועק פון געמיינזאַמע געלט־זאַמלונגען, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון די 4 אָרגאַניזאַציעס אין ווארשע דעם 9—10 מערץ 1930, ווען ס׳איז אויך פאָרגעקומען דער 1־טער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון „טאָז" אין פּוילן, וועלכן וו. האָט אָרגאַניזירט און מיט די אַרבעטן פון וועלכן ער האָט אָנגעפירט.

וואָלק יצחק. געבאָרן אין יאָר 1895 אין דווינסק. געלערנט אין אַ חדר, באַזוכט די שטאַטישע רוסיש־יידישע שול און שפּעטער געוואָרן אַן עקסטערן.

אין יאָר 1911 אַריינגעטראָטן אין „צעירי־ציון". מיטן פאַראייניקן זיך פון „צעירי־ציון" מיט „פּועלי־ציון" געהערט צו די רעכטע פּועלי־ציון. ביז דער רוסישער רעוואָלוציע אָנטיילגענומען אין דער אומלעגאַלער ציוניסטישער טעטיקייט אין דווינסק און אומגעגנט. געווען אויך דער סעקרעטאַר פון „חובבי שפת עבר" אין דווינסק. נאָך דער רעוואָלוציע — מיטגליד

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

פון אַלציוניסטישן געגנט-קאָמיטעט פאַר מינסק, מאָהילעוו און וויטעבסקער גובערניעס, פאַר דער צייט געווען מצד „צעירי-ציון" אַ גלאַסנער אין פּאָלאָצקער שטאָטרומע און קאַנדידאַדירט אין וויטעבסקער, דווינסקער און וויניצער (פּאָדאָליע) געגנטן צום אַלרוסישן יידישן צוזאַמענפאָר. פון יאָר 1919 מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „צעירי-ציון" אין ווילנע פאַר ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטוועס. שפּעטער, ביזן יאָר 1928 — מיטגליד פון אַלפּוילישן פּאַרטיי-ראַט פון צעירי-ציון.

די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָנגעהויבן אין יאָר 1914 אין אָנהויב פון דער מלחמה. גענומען דאַן אַן אַקטיוון אָנטייל אין הילף פאַר די מגורשים פון קאָוונער גוב. דעלעגירט געוואָרן אין דער אַרומיקער סביבה (בּראַסלאַוו, ווידז, קרעסלאַווקע און ישובים) צו עוואַקואירן די איינוואוינער צוליב דעם אָנגריף פון די דייטשן. אין מיטן 1915 איינגעלאַדן געוואָרן דורך דעם באַפולמעכטיקטן פון פעטערבורגער „יעקאָפּאָ" ה' מאיר פיינלייב מיטצואַרבעטן אין פאַראייניקטן קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ"-„אָזע", וועלכע האָט דאַן אַנטוויקלט אַ גרויסע הילפס-טעטיקייט אין געגנט פּאָלאָצק, גלובאָקע, קרעסלאַווקע און די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך אין יענעם שטח, וועלכע זיינען געווען בשכנות פון מיליטערישן אָפּעראַציע-געביט. אין מיטן יאָר 1917 אָנגענומען געוואָרן אין פאַרבאַנד פון די זעמסטוואָס (זעמסקי סאָיוז), וואו פאַרוואַלטעט מיט דערנערונגס-פונקטן פאַר זעלנער נאָענט פון די קאַמפס-פּאָזיציעס ביי דאָקשיץ — גלובאָקע. סוף זיבעצנטן יאָר ווידער גענומען מיטאַרבעטן אין „יעקאָפּאָ". פאַר דער צייט פאַרגעזעצט די אַרבעט אין פּאָלאָצקער און גלובאָקער געגנטן. נאָכן אַריבערפאָרן אין ווילנע אין יאָר 1919 אַריינגעטראָטן אין געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" און זיך זייער שטאַרק באַטייליקט אין זיין טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן פון שנעלער הילף און קאָנסטרוקטיווער אַרבעט: אַזוי האָט ער פאַרוואַלטעט מיט דער היימלאָזע אָפּטיילונג אין ווילנע און פּראָווינץ, געווען דער פאַרוואַלטער פון 2-טן אויפבוי-ראַיאָן אויפצושטעלן די חרוב-געוואָרענע שטעט און שטעטלעך אין נאָוואָגרודקער געגנט. לעצטנס איז וו. פאַרוואַלטער פון דער ווילנער אָפּטיילונג („יעאָס" ביי „יעקאָפּאָ") פון דער צענטראַלער ייד. עמיגראַציע-געזעלשאַפט אין פּוילן, וועלכע באַדינט ווילנע און ווילנער-נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטוועס.

וו. האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ווילנער טעגלעכער פּרעסע („יידישע צייטונג", „אונזער פריינד", „צייט" א. א.) אַ ריי פעליעטאָנען און אַרטיקלען פון פּראָווינציעלן לעבן. מיטגעאַרבעט אין „אונזער הילף" (אָרגאַן פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע), „צוקונפט" (ווילנער פּאַרטיי-אָרגאַן פון צ. צ.) און „די יידישע עמיגראַציע" (אָרגאַן פון „עמיגדירעקט" אין בערלין 1929—1930). געדרוקט בילדלעך פון עמיגראַנטן-לעבן אין וואַרשעווער „היינט" (1929) אונטערן פּסעוודאָנים יצחקי.

וו. איז אַ מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" פון יאָר 1919 אָן (אויסגעקליבן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון קאָמיטעט) ביז אויף היינטיקן טאָג. זיך באַטייליקט אין אַלע קאָנפערענצן פון „יעקאָפּאָ", אויף וועלכע ער האָט געלייענט רעפעראַטן און באַריכטן. מיטגליד פון פּלענום פון יתומים-פאַרבאַנד אין וואַרשע. נאָענטער מיטאַרבעטער פון פנקס פון „יעקאָפּאָ".

וויגאָדסקי יעקב ד״ר. ז. ווייטער.

וויזנבערג וויטאָלד ד״ר. געבאָרן אין יאָר 1874 אין דראָהאָביטש (מזרח-גאַליציע). זיך געלערנט אין גימנאַזיע אין דראָהאָביטש און סטאַניסלאַוואָוו און געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין לעמבערג. זיך באַזעצט אַלס אַדוואָקאַט אין דראָהאָביטש. דאָרט האָט ער אויך פון יאָר 1918 געפירט די פאַרוואַלטונג פון אָרטיקן יתומים-הויז צוזאַמען מיטן אינזש. יוזעף מעטצים, וועלכער איז ביז אויף היינטיקן טאָג דער פאָרזיצער פון אַנשטאַלט. גלייכצייטיק איז וו. געווען אַ מיטגליד פון צענטראַלן יידישן רעטונגס-קאָמיטעט אין לעמבערג און אַלס אַזעלכער האָט ער אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פון אָנגערופענעם קאָמיטעט אין דראָהאָביטש. אין יאָר 1922 האָט זיך וו. אַריבערגעקליבן קיין לעמבערג, וואו ער איז אין יאָר 1923 געוואָרן אויסגעקליבן צוערשט אַלס וויצע-פאָרזיצער און דערנאָך אַלס פאָרזיצער פון צענטראַל-קאָמיטעט פאַר אויפזיכט איבער יידישע יתומים (יתומים-צענטראַלע פאַר מזרח-גאַליציע). דעם דאָזיקן אַמט פירט ער ביז אויף היינטיקן טאָג. וו. איז אויך אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יידישער יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן („צענטאָס").

חיקטאָראָוו שלמה. געבאָרן אין וועליזש (וויטעבסקער גוב.) אין יאָר 1882. געענדיקט גימנאַזיע און דעם לערער-אינסטיטוט אין ווילנע. געווען אַ לערער אין יידיש-רוסישע שולן. פון מאַי 1915 אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין פעטערבורגער „יעקאָפּאָ", אָנגעפירט מיט דער עוואַקואַציע ביים גירוש פון די יידן אין קאָוונער געגנט, שפּעטער איז ער געשיקט געוואָרן אַלס באַפולמעכטיקטער אין טשערניגאָווער און פּאָלטאַווער גוב. איינצואָרדענען די היימלאָזע, דערנאָך זיך פאַרנומען מיט דער רעעוואַקואַציע. אין „יעקאָפּאָ" האָט ער אַנטוויקלט זייער אַ גרויסע טעטיקייט. זיך באַטייליקט אין אַלע צוזאַמענפאָרן פון צענטראַל-קאָמיטעט אין פעטערבורג און מאָסקווע. פון יאָר 1921 — סעקרעטאַר און געשעפטספירער פון ווילנער „אָרט". ביי פאַרשיידענע ענינים פון פּראָדוקטיווער הילף ענג מיטגעאַרבעט מיט דעם געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע. אין יאָר 1924 פאַרלאָזט וו. די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און גייט אַריבער צו פּריוואַטע באַשעפטיקונגען.

ווערטהיים אַברהם. געבאָרן אין יאָר 1891 אין בענדערי (בעסאַראַביער גוב.). זיין פאָטער, אַ רב, האָט געשטאַמט פון באַוואוסטע רבנים, גאונים, צדיקים (טשערנוביל. בעל שם טוב, מהרש״א, תבואת שור). זיין מוטער האָט געשטאַמט פון וואָלין און געווען אַ טאָכטער פון באַוואוסטן בערעזנער רבין. ביז 20 יאָר האָט ער געלערנט תלמוד, פוסקים, אָנגעפירט אַ פאָר יאָר מיט דער הוראה ביים טאַטן אין בית-דין-שטוב. אין יאָר 1912 איז ער אַרויסגעפאָרן קיין אָדעס, דאַמאָלסדיקן מרכז רוחני פון דרום-רוסלאַנד, און זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכע למודים.

ער האָט דאָן צוזאַמען מיט ד״ר אייזנשטאַט, נתן גרינבלאַט, מ. א. זאַק און י. ספּיוואַק געגרינדעט און אָנטיילגענומען אין רעדאַגירן און אַרויסגעבן אַ זשורנאַל „שחרית" (אַ 2 וועכנטלעכן), וועלכער איז געווען געווידמעט די אינטערעסן פון דער יידישער אינטעליגענטער נאַציאָנאַלער יוגנט (מיט העברעישע טענדענצן). גלייכצייטיק איז ער אויך געווען דער סעקרעטאַר פון ציוניסטישן געגנט-קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער ציוניסטישער און צעירי-ציוניסטישער אַרבעט אין 4 דרום-גובערניעס.

אָנהויב מלחמה האָט ער פאַרלאָזן אָדעס און פון יאָר 1916 האָט ער געאַרבעט אין קיעווער „קאָפּע", וועלכער איז געווען דער געגנט-קאָמיטעט פאַר דרום-רוסלאַנד פון

אלרוסישן „יעקאפא“. אין „קאפע“ האט ער געארבעט ביז דער קאמיטעט איז ליקווידירט געווארן אין יאר 1925. אין יאר 1919—1920 האט ער אויך געארבעט אין רויטן קרייץ (אפטיילונג פאר פאגראם-געליטענע) און פון יאר 1921 ביז 1924 — אין דזשוינט (אפטיילונג פאר היימלאזע און רעפאטריאנטן); פון יאר 1926 אין דזשוינט-אפטיילונג פאר די גמילות-חסדים-קאסעס, וואו ז. ארבעט אלס אינספעקטאר און ארגאניזאטאר פון די קאסעס.

זילבערפארב משה ד״ר. געבארן אין ראוונע (וואלין) אין יאר 1876. געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין בערן און קיעוו אלס ד״ר יורי. געזעלשאפטלעך אנגעהויבן צו ארבעטן אין יאר 1904 אלס מיטגליד פון דער פאליטישער גרופע „וואזראזשדעניע“ און אלס מיטרעדאקטאר פון דעם ארגאן מיט דעם זעלבן נאמען. אין די יארן 1905—1908 געווען א מיטגליד פון צענטראל-קאמיטעט פון דער „יידישער סאציאליסטישער ארבעטער-פארטיי“ (סיימאווצעס), וועלכע ער האט געהאלפן גרינדן און צווישן די אנפירער פון וועלכע ס׳האבן זיך געפונען די הויפט-טוער פון דער גרופע „וואזראזשדעניע“ (ז. דעם ערשטן זאמלבוך „סערפ“, מאסקווע 1907). 1908—1911 געלעבט אלס פאליטישער עמיגראנט אין אויסלאנד. 1911—1914 געארבעט אין ראוונער „געזעלשאפט פאר קעגנזייטיקן קרעדיט“ אלס געוויילטער פארזיצער פון דער פארוואלטונג. 1914—1917 געארבעט אין דער געזעלשאפט יקא (פעטערבורג) אלס אינספעקטאר פון די יידישע ליי- און שפארקאסעס. 1917—1918 איז ז. געווען מיטגליד פון צ. ק. פון דער „פאראייניקטער ייד. סאצ. פארטיי“ און מיניסטער פאר יידישע ענינים אין אוקראינע (פון 15 יוני 1917 ביזן 16 יאנואר 1918, — דאס ערשטע יידישע מיניסטעריום אויף דער וועלט). 1918—1919—דירעקטאר פון יידישן פאלקס-אוניווערסיטעט אין קיעוו. 1919—1921 — פארזיצער פון צענטראל-קאמיטעט פון דער „קולטור-ליגע“ אין אוקראינע.

אין יאר 1921 קערט ז. זיך אום קיין פוילן, באזעצט זיך אין ווארשע און שטעלט זיך בראש פון „ארט“ אלס פארזיצער פון צענטראל-קאמיטעט, וואו ער פירט אן מיט דער ארבעט ביז אויף היינטיקן טאג. פון 1922 איז ער אויך מיטגליד פון דער צענטראלער פארוואלטונג פון פארבאנד „ארט“ אין בערלין. אין די יארן 1923—1925 אקטיוו זיך באטייליקט ביי עמיגראציע-ענינים אלס עקזעקוטיוו-מיטגליד פון קאמיטעט, וואס האט שפעטער געבילדעט די צענטראלע ייד. עמיגר.-געז. („יעאס“) אין פוילן. גלייכצייטיק אנטוויקלט ז. א קולטורעלע טעטיקייט אלס פארזיצער פון פארלאג „קולטור-ליגע“ אין ווארשע, באטייליקט זיך אין דער צענטראלער יידישער שול-ארגאניזאציע, ליטעראטן-פאראיין א. א., ווי אויך אלס פובליציסט און רעדאקטאר.

די פובליציסטישע טעטיקייט האט ז. אנגעהויבן אין די פארטיי-ארגאנען און זאמלביכער „וואזראזשדעניע“ (1904—1905), „סערפ“, „פאלקסשטימע“ (1907) א. א., וואו ער האט געשריבן אונטער זיין פאפולערן דאן פסעוודאנים באזין, אויך עזרא א. א. שפעטער זיך באטייליקט אין „יעווריייסקי מיר“, „די נייע צייט“, אין דער ווילנער „יידישע וועלט“ (1911) א. א. אין ערשטן זאמלבוך „רויטן פנקס“ (פארלאג „קולטור-ליגע“, ווארשע 1921) אפגעדרוקט דעם ארטיקל „די גרופע וואזראזשדעניע, ווי זי איז אנטשטאנען און זיך אנטוויקלט“. אין א בוך-פארם זיינען ערשינען פאלגנדע זיינע ארבעטן: 1) די יידישע פראגע אויף די בלעטער פון דער סאציאליסטישער פרעסע (רוסיש), פעטערבורג—תאזיר 1906; 2) די יידישע געזעלשאפטן פון קעגנזייטיקן קרעדיט (רוסיש), פעטערבורג 1913; 3) די פארוואלטונג פון די יידישע געמיינדעס אין רוסלאנד (דייטש), פרעסבורג 1911 און 4) דאס יידישע מיניסטעריום און די יידישע נאציאנאלע אויטאנאמיע אין אוקראינע (יידיש), קיעוו 1919. אין יאר 1928—1929 איז ז. געווען איינער פון די רעדאקטארן פון קריטיש-ביבליאגראפישן זשורנאל „ביכער-וועלט“ (פארלאג „קולטור-ליגע“, ווארשע, אפריל 1928 — אווגוסט 1929), אויף דער ערשטער קאנפערענץ פון דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע אין יאר 1929 איז ז. אויסגעקליבן געווארן אלס מיטגליד פון דער צענטראלער פארוואלטונג.

זילבערשטיין אדאלף הענריק (אברהם צבי) ד״ר. געבארן אין יאר 1882 אין בוטשאטש (מזרח-גאליציע), וואו זיין פאטער איז געווען א צאן-דאקטאר. געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אלס ד״ר יורי און פראקטיצירט אלס אדוואקאט אין לעמבערג. אין דער צייט פון מלחמה, אין די יארן 1915—1916, געווען באאמטער אין עסטרייכישן צענטראל-סטאטיסטישן מלוכה-אמט, דערנאך געדינט אין מיליטער אלס אפיציר. נאכן פאגראם אין לעמבערג דעם 22—23 נאוועמבער 1918 זיך פרייוויליק געמעלדעט צו דער הילפס-אקציע פון דער לעמבערגער יידישער באפעלקערונג. דעם 25 נאוועמבער 1918 האט ער אנגעהויבן צו ארבעטן אין צענטראלן יידישן רעטונגס-קאמיטעט אין לעמבערג, איבערנעמענדיק דעם פאסטן פון לייטער פון ביורא, וועלכע ער האט געפירט ביזן יאר 1923, ווען ער איז דעם 5 נאוועמבער 1922 אויסגעוויילט געווארן אלס דעפוטאט פון פוילישן סיים (ביז מערץ 1928).

ז. האט אנטוויקלט א ווייטער גרויסע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אין גאליציע. צוזאמען מיט ד״ר צעציליא קלאפטן געגרינדעט דעם פארבאנד צו פארשפרייטן פראפעסיאנעלע בילדונג צווישן יידן אין קליין-פוילן (וואו ער איז פארזיצער פון פארוואלטונג), האט אויסגעארבעט די פראיעקטן פון א צענטראלן קארטאטעק-קאטאסטער פון דער יידישער באפעלקערונג אין גאליציע און פון דער ארגאניזאציע פון הילף לויט דעם עלבערפעלדער סיסטעם, האט דורכגעפירט א גענויע לויט וויסנשאפטלעכע מעטאדן צונויפגעשטעלטע סטאטיסטיק פון די יידישע לאנדווירטן אין גאליציע (דארף נאך ווערן פובליקירט אלס מאנאגראפיע), האט פיל געארבעט אין דער גאליציאנער הילפס-צענטראלע פאר חלוצים „עזרה“, איז א מיטגליד פון פארוואלטונג פון דער לעמבערגער אפטיילונג און וויצע-פארזיצער פון ראט פון דער ייד. צענטראלער עמיגראציע-געזעלשאפט („יעאס“) אין פוילן, ווי אויך א מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון „עמיגדירעקט“ אין בערלין. ז. איז פארזיצער פון דער לעמבערגער עקספאזיטור (פאר קליין-פוילן) פון ווארשעווער קאאפעראטיוון פארבאנד. וועגן דער יידישער גאליציע האט ז. פובליקירט (לויט מאטעריאלן פון דער ערשטער קוועלע) אן ארטיקל אין לוח „פון יאר צו יאר“, 1927.

ז. איז א מיטגליד פון ציוניסטישן אקציאנס-קאמיטעט (פון דער פארטיי „התאחדות“) און פון אדמיניסטראטיוון ראט פון דער יידישער אגענץ, ווי אויך א מיטגליד פון ציוניסטישן קאנגרעס-געריכט.

פון יאר 1929 איז ז. דער פארזיצער פון דירעקטאריאט פון פארבאנד פון די יידישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטן אין פוילן און מיטגליד פון דירעקציע פון דער באנק פאר קאאפעראטיוון אין ווארשע.

זלאטקין ברוך. געבארן אין ווידז (קאוונער גוב., איצט פוילן) אין יאר 1880 ביי רייכע עלטערן. ער ווערט אריינגעצויגן אין דעם פאטערס געשעפטן, אבער גלייכצייטיק פארנעמט ער זיך מיט געזעלשאפטלעכע ענינים. צו 16—17 יאר איז ער שוין א פארוואלטונגס-מיטגליד פון א ריי אינסטיטוציעס אין זיין שטעטל. שפעטער איז ער איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער יידישער געזעלשאפטלעכער באנק אין ווידז (פאר דער מלחמה) און אדאנק זיין השפעה טראגט זיין פאטער אריין א געהעריקן קאפיטאל אין באנק, וואס ווירקט פיל מיט צו איר אנטוויקלונג.

אין יענער צייט, ווען דער איינציקער דערציאונגס-אנשטאלט איז געווען דער חדר, האט ז. זיך שוין ארומגעטראגן מיטן גע-

דאנט וועגן א מאדערנער יידישער שול און האט געמאכט באמיאונגען אין דער הינזיכט, אבער די מלחמה האט איבערגעריסן די פלענער און פארשלעפט ז. קיין דרום-רוסלאנד. אומקערנדיק זיך אין יאר 1920 קיין ווידז, געפינט ער א פולשטענדיק חרובע שטעטל און ז. נעמט זיך מיט א באזונדערער איבערגעבנקייט און ענערגיע אויפצוריכטן ווידז. ער שטעלט זיך אין נאענטסטן קאנטאקט מיטן געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" און צוזאמען מיט מענדל קליומעל און יעקב מאליאצקי פירט ער א גרויסע אויפבויאונגס-ארבעט ביים איינארדענען די רעפאטריאנטן און צוריק אויפשטעלן זייערע הייזער. ניט ווייניקער זארגט ער וועגן אויפבויען די געזעלשאפטלעכע בנינים און אינסטיטוציעס. ער איז פארזיצער פון ווידזער הילפס-קאמיטעט פון „יעקאפא". ער שאפט די ארטיקע קאאפעראטיווע יידישע פאלקסבאנק, וואו ער ווערט אויסגעקליבן אלס פארזיצער, שפעטער גרינדעט ער אויך די ארטיקע גמילות-חסדים-קאסע. צוזאמען מיט זיין ברודער שמעון שענקט ער אוועק א פלאץ, וואו „יעקאפא" בויט אויס א גרויסע פאלקסהויז, אין וועלכן ס'געפינט זיך א יידישע וועלטלעכע שול און א ריי אנדערע אינסטיטוציעס (ז. אויבן זייטן 185—191 און 193—195). ז. באטייליקט זיך אויך אין די קאנפערענצן און באראטונגען פון „יעקאפא" אין ווילנע, וואו ער ווערט אויסגעקליבן אלס מיטגליד פון פלענום און העלפט פיל מיט דער ארבעט פון געגנט-קאמיטעט. ז. ווערט זייער באליבט און פאפולער אין דער גאנצער ווידזער געגנט הן צווישן יידן והן צווישן קריסטן און אין יאר 1927 ווערט ער אויסגעקליבן אלס מיטגליד אין קרייז-סיימיק און אין גמינע, אין יולי 1929 אלס פארזיצער פון דער ווידזער קהילה.

דעם 2 סעפטעמבער 1929 איז ז. נאך א קורצער קראנקייט געשטארבן אין בליענדן עלטער פון 49 יאר ביי דער פולער ענערגיע פון זיין טעטיקייט. די ידיעה וועגן זיין פלוצלונגדיקן טויט האט ארויסגערופן דעם גרעסטן ווייטאג ביי דער גאנצער באפעלקערונג פון געגנט.

טשארני דניאל. געבארן אין יאר 1888 אין שטעטל דוקאר (מינסקער גוב.). זיין פאטער זאב-וואלף טשארני — א הייסער ליובאוויטשער חסיד איז געשטארבן אין די מיטעלע יארן, איבערלאזנדיק זעקס קינדער, פון וועלכע ד. טשארני איז געווען ס״ה אנדערהאלבן יאר אלט. די מוטער ברכה (געבארענע הורוויץ), וואס האט געצויגן איר יחוס פונם של״ה הקדוש, האט מיט גרויס מסירת נפש געהאדעוועט די פינף זין און בת יחידה, געבנדיק זיי די בעסטע ערציאונג, וואס איז נאר געווען מעגלעך ביי אירע אומשטענדן און ביי די דאמאלדיקע באדינגונגען. פון די פינף זין אירע האבן זיך שפעטער אויסגעשיילט דער באקאנטער ליטעראטור-קריטיקער ש. ניגער, דער ניט ווייניקער באקאנטער זשורנאליסט און כלל-טוער ב. וולאדעק (דער „צווייטער לאסאל") און דער דיכטער און כלל-טוער דניאל טשארני.

15 יאר אלט האט ד. טשארני, לעבנדיק צוזאמען מיט די עלטערע ברידער זיינע אין מינסק, זיך שוין אנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער יידישער פארטייאישער און שפעטער א ביסל — אויך ליטערארישער געזעלשאפטלעכקייט. איז געווען א לענגערע צייט נאענט צו די דאמאלדיקע עסעסישע קרייזן (ז. זיינע ערינערונגען, וואס זיינען געווארן פובליקירט אין דער ניו-יארקער „צוקונפט" פאר די יארן 1928—1929, ווי אויך אין „די פרעסע" (בוענאס-איירעס) און „נייע פאלקסצייטונג" (ווארשע). אנגעהויבן צו שרייבן אין יאר 1907. אינם יאר 1910 וואנדערט ער אוים קיין ווין און נאכדעם — אין דער שווייץ, וואו ער פארבלייבט ביז — ערב דער וועלט-מלחמה. זומער 1914 קערט ער זיך אום קיין רוסלאנד, ווערט פארכאפט דורך די מלחמה-געשעענישן. נעמט אן אקטיוון אנטייל אין דער הילפס-אקציע פאר די יידישע פליטים, וואס זיינען פארטריבן געווארן פון ווילנער און קאוונער גובערניע. פארט אריבער סוף 1915 קיין מאסקווע, וואו ער ארגאניזירט די ערשטע יידישע קינדערהיים אין מארינע-ראשטשע (א מאסקווער פארשטאט) און ארבעט א לענגערע צייט אין מאסקווער „אפע" (מפיצי השכלה). אינם יאר 1916 פארט ער אריבער קיין פעטראגראד, וואו ער ארבעט א לענגערע צייט אין „יעקאפא". נאך דער פעווראל-רעוואלוציע קערט ער זיך אום קיין מאסקווע, וואו ער ווערט סעקרעטאר פון דער דאמאלדיקער „פאלקס-פארטיי" ביז זי ווערט אויפגעלייזט פון זיך אליין (סוף 1919). אין מאי 1918 נעמט ער אן א פאסטן אין דער פארלעגערישער אפטיילונג פונם דאמאלדיקן יידישן קאמיסאריאט, אויף וועלכן ער פארבלייבט ביז סוף 1921 און אין משך פון דער דאזיקער צייט קומט אים אויס א סך צו באשעפטיקן זיך מיט די יידישע רעפאטריאנטן ווי אויך מיט די יידישע עמיגראנטן, וואס האבן אנגעהויבן זיך ציען צו זייערע משפחה-לייט אין די מעבר לים מדינות. גלייכצייטיק שרייבט ער קינדער-מעשיות, לידער און פירט א זשורנאליסטישע טעטיקייט. סוף 1922 וואנדערט ער אוים קיין בערלין, וואו ער פארבלייבט ביז סוף 1923, באקענט זיך ברייט מיט דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט פון אויסלאנד. פובליקירט אייניקע ארטיקלען וועגן דער יידישער לאגע אין רוסלאנד, קערט זיך אום קיין מאסקווע, וואו ער פארבלייבט ניט מער, ווי א קארגן יאר און סוף 1924 באזעצט ער זיך אין בערלין. אנשליסנדיק זיך אן דער דארטיקער יידישער געזעלשאפטלעכקייט.

סוף 1925 פרובירט ער מאכן א באזוך זיינע ברידער אין אמעריקע, ווערט אבער פארהאלטן אין עליס-איילאנד און פון דענסטמאל אן האט ער זיך אפגעגעבן דער רעטונגס-ארבעט פאר דעם יידישן עמיגראנט. ער פובליקירט זעקס גרויסע ארטיקלען וועגן „עליס-איילאנד", וועלכע ווערן איבערגעדרוקט אין א גאנצער ריי יידישע צייטונגען פון גאר דער וועלט און אינם יאר 1927 נעמט ער אן דעם פאסטן פון א פרעסע-שעף ביי דער פאראייניקטער עמיגראציע-געזעלשאפט „היאס-עמיגדירעקט", וואו ער ווערט א ביסל שפעטער אויך מיטרעדאקטאר (צוזאמען מיט א. טשעריקאווער) פונם זשורנאל „די יידישע עמיגראציע", ארגאן פון „עמיגדירעקט" אין בערלין (דאס לעצט-ערשינענע ביכל: יאנואר—פעברואר 1930). אנהויב 1928 ווערט ער אויך אויסגעקליבן אלס עקזעקוטיוו-מיטגליד פון „היאס-עמיגדירעקט". פסח-צייט 1929 מאכט ער א רייזע דורך די יידישע ישובים פון ליטע, לעטלאנד און פוילן און באשרייבט (אין אמעריקאנער „טאג" א. א.) אין א סעריע ארטיקלען די לאגע פון די יידישע ישובים אין די ראנד-לענדער אפשטעלנדיק זיך באזונדערס אויף דער יידישער עמיגראציע-נויט.

ו. טשארני איז א שטענדיקער מיטארבעטער פון „טאג“ (ניו-יארק), „די פרעסע“ (בוענאס-איירעס), פון די זשורנאלן „צוקונפט“, „אויפקום“ (ניו-יארק), „ליטערארישע בלעטער“ (ווארשע), „די גרינינקע ביימעלעך“ (ווילנע) א. א., האט געדרוקט א ריי ארטיקלען (וועגן דער יידישער ליטעראטור אין סאוועט-רוסלאנד א. א.) אין „ביכערוועלט“ (ווארשע, 1928 — 1930) און פיל אנדערע צייטשריפטן און אויסגאבן. אין א בוך-פארם זיינען ערשינען זיינע קינדער-מעשה'לעך: „דער קאטער אין שטיוול“, „דער גאלד-דורשטיקער קיסר“, די „פארכשופטע קרעטשמע“, „ווי אזוי איך קום אויף דער לבנה“ א. א.; די לידער-זאמלונג „לייכטע פערזן“ (פארלאג „קולטור“, ריגע 1925); „משפחה-כראניק“ (עראינערונגען, פארלאג ב. א. קלעצקין, ווילנע 1927); „אונטערוועגס“ (לידער, בערלין 1929).

טשערניאקאוו אדאם, אינזש., געבארן אין ווארשע אין יאר 1880 אין א סוחרישער פאמיליע. געענדיקט די ווארשעווער פאליטעכניק מיטן טיטל אינזשענער-טעכנאלאג און די פאליטעכניק אין דרעזדן.

געווען אייניקע יאר אן אסיסטענט ביי איינער פון די קאטעדרעס אין ווארשעווער פאליטעכניק. גלייכצייטיק האט ער זיך פארנומען מיט בילדונגס-טעטיקייט אין דעם ווארשעווער פוילישן „אוניווערסיטעט פאר אלעמען“, א האלב-לעגאלער אינסטיטוציע, בראש פון וועלכן ס'זיינען געשטאנען די אלטע קעמפער פון פוילישן סאציאליזם, ווי רעכניעווסקי, אבראמאוויטש און קזשיוויצקי און וועלכער איז ליקווידירט געווארן פון דער רוסישער מאכט. אין דעם דאזיקן „אוניווערסיטעט“ האט ט. פארנומען דעם אמט פון א סעקרעטאר פון דעם וויסנשאפטלעכן קאמיטעט און האט געהאלטן פיל רעפעראטן. דערנאך האט ער געארבעט אין דער געזעלשאפט פון „פוילישער קולטור“ און איז פון איר ארומגעפארן אין דער פראווינץ, וואו ער האט, ווי אויך אין ווארשע, געהאלטן רעפעראטן דערהויפט אויף נאטורוויסנשאפטלעכע טעמעס. אין די דאזיקע ביידע ארגאניזאציעס, דער עיקר אין „אוניווערסיטעט פאר אלעמען“, האט זיך באטייליקט א היפש ביסל סאציאליסטיש-געשטימטע יידישע יוגנט. אינגיכן באשליסט אבער ט. אריבערצוגיין ארבעטן אויף דער יידישער גאס און אפגעבן זיינע כוחות באזונדערס דער יידישער מלאכה, מיט די פארשטייער פון וועלכער ער האט זיך ניט איינמאל געטראפן ביי דער בילדונגס-ארבעט אויף דעם אויבן-אנגערופענעם געביט. ער האט אנגעהויבן געבן לעקציעס אין דער האנטווערקער-שול ביי דער ווארשעווער גמינע, וואו ער האט געפירט די ארבעט אין משך פון 13 יאר אן א הפסקה. אין דער צווישנצייט איז ט. אריינגעטראטן אין דעם „האנטווערקער קלוב“, וועלכער האט דאן עקסיסטירט אין ווארשע אויף זימנע גאס און האט אינגיכן אנגעהויבן שפילן א קענטיקע ראל אין דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין ווארשע. די ארגאניזאציע איז פסדר געוואקסן און האט זיך אין א קורצער צייט ארום אריבערגעקליבן אין אן אנדער לאקאל אויף לעשנא 42 וואו ס'איז געלייגט געווארן דער פונדאמענט פון דעם קינפטיקן האנטווערקער-פארבאנד, וואו ט. ארבעט אין משך פון פיל יארן און פון דער הילפס-קאסע פון וועלכער (נאך פון זימנע גאס) ס'האט זיך שפעטער אויסגעבילדעט די איצטיקע האנטווערקער-באנק אין ווארשע. ס'איז אנטשטאנען, צוליב פאליטישע קאמפן, א צווייטע האנטווערקער-ארגאניזאציע אויף נאלעווקעס און דער פארבאנד איז געשפאלטן געווארן, האט ט. אין משך פון עטלעכע יאר געארבעט איבער דעם, אז ס'זאל צוריק געשאפן ווערן אן איינהייטלעכע פאראייניקטע האנטווערקער-ארגאניזאציע, וואס זאל קענען שפילן א גרעסערע און ווירדיקערע ראל אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן פון פוילן, — און מיט דער הילף פון אייניקע האנטווערקער-טוער איז דער צוועק דערגרייכט געווארן. ט. האט פיל געארבעט, אלס פארטרעטער פון דער ארגאניזאציע, אויף צו פארטיידיקן די רעכט פון דער מלאכה און די פרייהייט פון פאך און האט שטארק געקעמפט קעגן דער איינפירונג פון נייעם צעכן-געזעץ. אין וועלכן ס'האט זיך אים אויך איינגעגעבן צו מילדערן געוויסע פראיעקטירטע תקנות אדער אייניקע פון זיי אינגאנצן צו באזייטיקן (האט אויך אפגעדרוקט וועגן דער פראגע א בראשור, ארויסגעגעבן פון צענטראלן ייד. האנטווערקער-פארבאנד).

פון יאר 1919 האט זיך ט. פיל פארנומען מיט דער אויפבויאונג פון די מלחמה-חורבנות. צום אנהויב איז ער געווען באשעפטיקט אין פוילישן מיניסטעריום פאר געזעלשאפטלעכע ארבעטן, שפעטער האט ער געארבעט אין דזשוינט (ר. ד. ק.) אין ווארשע אלס לייטער פון דער אפטיילונג אפצובויען די יידישע הייזער, וואס זיינען חרוב געווארן פון דער מלחמה און אין דערזעלבער אפטיילונג (ביי דער באנק פאר קאאפעראציע), וועלכע איז דערנאך אריבער צו דער „פונדיישן“. אונטער זיין אנפירונג זיינען ארויסגעגעבן געווארן הלוואות וועלכע ער האט היפאטעקאריש פארזיכערט אין גאלד און דערמיט אויפגעהיט די געלטער פון דזשוינט בעת דער דעוואלוואציע און פארשיידענע קריזיסן) אויף העלפן אפבויען אייניקע טויזנט הייזער און בנינים, וואס זיינען צושטערט געווארן פון מלחמה אין די יידישע שטעטלעך אויף די קרעסן און א טייל קאנגרעס-פוילן. אין די דאזיקע ענינים אויך געשטאנען אין א קאנטאקט מיט „יעקאפא“ אין ווילנע. ט. האט אויך פובליקירט אייניקע וויסנשאפטלעכע ארבעטן פון זיין פאך, ווי אויך וועגן די חורבנות און אויפבויאונג פון די הייזער און בנינים, וואס זיינען צעשטערט געווארן פון דער מלחמה (די דאזיקע ארבעטן זיינע, ווי אויך זיין קארטע פון די אנגערופענע חורבנות, זיינען ארויסגעגעבן געווארן פון פוילישן מיניסטעריום), וועגן פראפעסיאנעלער בילדונג (אין „יידישן האנטווערקער“, יובילעאום-אלמאנאך געווידמעט דער 10-יאריקער עקסיסטענץ פון צענטראלן האנטווערקער-פאראיין אין פוילן, ווארשע, 1924. ט. איז דאן געווען פארזיצער פון פאראיין) א. א. האט מיטגעארבעט אין דער „האנטווערקער-צייטונג“. א געוויסע צייט איז ט. אויך געווען דער רעפערענט פון די ענינים פון פראפעסיאנעלער בילדונג ביים דזשוינט, וועלכער האט צוזאמען מיט יק"א דורכגעפירט אן אקציע וועגן באזארגן די פאך-שולן מיט טעכנישע מכשירים און מאשינעס. אונטער זיין אויפזיכט זיינען אויפגעבויט געווארן צוויי פראפעסיאנעלע שולן (אין בריסק און פינסק) און די קאלאניע פון ר. ד. ק. פאר היימלאזע אין בריסק. אין יאר 1927 איז ער אוועק פון זיין פאסטן אין דזשוינט און „פונדיישן“ און פארנעמט זיך מיט א אינדוסטריעלער אונטערנעמונג.

ביי די וואלן צום סיים און סענאט אין יאר 1928 איז ט. געווען ארויסגעשטעלט אויף דער ליסטע פון די נאציאנאלע מינדערהייטן אלס קאנדידאט אויף וואלין. פון יאר 1927 איז ט. א ראטמאן פון ווארשעווער שטאטראט און א מיטגליד פון קאמיטעט פונאנדערצובויען די הויפט-שטאט ווארשע.

טשערניכאוו יוסף, ארוו., געבארן אין יאר 1882 אין סלאנים (ווייסרוסלאנד) אין א פארמעגלעכער פאבריקאנטישער משפחה. פון 13-טן יאר זיך געלערנט אין פינסק, וואו ער איז אויסגעוואקסן אין דער

רירעוודיקער נאציאנאלער און ציוניסטישער סביבה (די משפחה ווייצמאן א. אז. וו.) פון דער דאזיקער שטאט. דערנאך אנגעקומען אין דער קאמערץ-שול אין זגערזש (ביי לאדז), וועלכע ער האט געענדיקט אין יאר 1901. שוין אין זגערזש הויבט זיך אן זיין געזעלשאפטלעכע און פאליטישע ארבעט און זיין נאציאנאלע ווירקונג אויף די שילער פון זגערזש און לאדז, פון וואנען עס זיינען שפעטער ארויסגעקומען א סך יידישע געזעלשאפטלעכע און פאליטישע טוער.

אין 1903 שטייט מ. צו צום פראלעטארישן ציוניזם, ווערט איינער פון די גרינדער און וויכטיקסטע פראפאגאנדיסטן פון דער ס. ס.-באוועגונג אונטערן פסעוודאנים דניאלי. געשריבן אין אלע איסגאבן פון ס. ס. און ארויסגעגעבן אין 1903 צוויי בראשורן: „אונזערע קריטיקער" (אין יידיש, ביכער-פארלאג „צוקונפט", ווילנע, דרוקעריי פיראזשניקאוו, 1903, ז. 98, פאלעמיק מיטן „בונד" און באגרינדונג פון דער ס. ס. טעאריע) און אויף רוסיש — „וועגן סיים און צוליב דעם סיים" (קריטיק פון דער דעמאלט אנטשטאנענער ייד. סאצ. פארטיי „סיימאוועצעס"). געשריבן בפרט איבער יידישע עקאנאמישע פראגן. סוף 1905 ביז מיטן 1907 באזוכט ווי א שליח פון ס. ס. אמעריקע, וואו ער איז ארויסגעטראטן אין 25 שטעט פון די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע.

שטודירט פון אנהויב אין בערן און שפעטער אין כארקאוו, וואו ער האט געענדיקט אין 1911 דעם יורידישן פאקולטעט. זיך באזעצט ווי אן אדוואקאט אין ווילנע, וואו ער איז גלייך ארויסגעטראטן אין א ריי באקאנטע פראצעסן, ווי למשל, אין פראצעס פון צ. ק. פון דער ציוניסטישער פארטיי א. א.

אין דער מלחמה-צייט געווען אין כארקאוו, דערנאך זומער 1915 געקומען אין פעטערבורג, וואו ער איז געווען איינגעלאדן ווי א יוריסקאנסולט פון יידישן דעפוטאטן-ביורא. אין משך פון 1½ יאר אנטוויקלט דא א גרויסע ארבעט פאר די ארויסגעשיקטע דורך ניקאלאי ניקאלאיעוויטש און גענעראל יאנושקעוויטש, וואס האט דורכן פאליציי-דעפארטאמענט (וואו משטערניכאוו איז אזוי ווי געווארן דער פארשטייער פון יידן; באשריבן אין א בלעטל זכרונות אין יובליי-בוך פון „היינט", ווארשע, 1928), געבראכט צום ראטעווען פון הונדערטער און הונדערטער יידן. אין פעטערבורג האט ער צוזאמען מיט י. יעפראיקין, נ. שטיף און וו. לאצקי-בערטאלדי געגרינדעט די „דעמאקראטישע פאראייניקונג", וועלכע איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין דער „יידישער פאלקס-פארטיי". געווען מיטגליד פון דער ערשטער גרינדונגס-קאנפערענץ אין פעטערבורג אויף צוזאמענרופן די יידישע נאציאנאלע פארזאמלונג אין רוסלאנד. אין דער גאנצער צייט פון דער עקסיסטענץ פון דער צייטווייליקער רעגירונג געווען א באאמטער פאר ספעציעלע שליחותן ביים מיניסטער פון אינערן. נאך דער אקטאבער-רעוואלוציע געוואוינט אין כארקאוו. געווען וויצע-פארזיצער פון כארקאווער קהילה און איינער פון די הויפט-רעדנער פון דער יידישער נאציאנאלער פארזאמלונג אין קיעוו אין יאר 1918. 1919—1921 פארבראכט אין כארקאוו ווי א פארטייידיקער אין די רעוואלוציאנערע טריבונאלן (באשריבן א ריי פון זיינע פראצעסן אין א סעריע ארטיקלען אין ווארשעווער „היינט" 1925, גייט איצטיקן ארויס אין א בוך-פארם).

סוף 1921 געקומען קיין קאוונע, וואו אין משך פון 2 יאר געווען דירעקטאר פון ליטווישן „היאס" און געארבעט אויפן פעלד פון יידישער עמיגראציע. גענומען אן אנטייל אין אלע ליטווישע קהילות-צוזאמענפארן און געווען מיטגליד פון נאציאנאל-ראט. מיטגעארבעט און א געוויסע צייט רעדאגירט די דעמאקראטישע צייטונג „נייס" און ארויסגעגעבן א זאמל-בוך „ארבעט".

אינמיטן 1921 זיך אומגעקערט קיין ווילנע און צו אדוואקאטור. מרעט ארויס אין די וויכטיקסטע פאליטישע און געזעלשאפטלעכע פראצעסן פון ווייסרוסלאנד. צוזאמען מיט ד"ר צ. שאבאד און ה. ד. נאמבערג געגרינדעט אין יאר 1926 דעם „פרייען גטראנק" (ארויס 6 נומערן, 1926—1927), וואו אפגעדרוקט א סעריע אידעאלאגישע ארטיקלען אויף עקאנאמישע און קולטור-געשיכטלעכע טעמען. מ. איז א ראטמאן פון ווילנער שטאטראט און יידישער קהילה. אין יאר 1928 קאנדידאט צום סיים אויפן צעטל פון בלאק פון די נאציאנאלע מינדערהייטן. איז א נאענטער מיטארבעטער פון צענטראלן בילדונגס-קאמיטעט (צ.ב.ק.) אין ווילנע און פון וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (אויף דער קאנפערענץ פון וועלכן אין יאר 1929 אויסגעקליבן אלס מיטגליד פון ראט), אין וועמענס שליחות ער האט סוף 1929 — אנהויב 1930 באזוכט רומעניע.

יאכהעד יעקב, אדוו. געבארן אין יאר 1889 אין ווילנע ביי סוחרישע עלטערן. געלערנט אין חדר, אין רוסיש-יידישער אנפאנגס-שול פון לאזארסון און קאמערץ-שול אין ווילנע, אפגעגעבן עקסטערן-עקזאמען אין ריאזאנער 2-טער גימנאזיע אין יאר 1909 און אין זעלבן יאר אנגעקומען אין מאסקווער אוניווערסיטעט אויף דעם יורידישן פאקולטעט. אין יאר 1913 געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און 1914 אוועק אין רוסישן מיליטער, פון וועלכן אין יאר 1919 זיך אומגעקערט קיין ווילנע זייענדיק אויפן פראנט, אויף די ערשטע פאזיציעס, בעת דער וועלט-מלחמה און דערנאך אלס קריגס-געפאנגענער אין דייטשלאנד. אין יאר 1920 אריינגעטראטן אין דער אדוואקאטור אלס געהילף-אדוואקאט, אין יאר 1927 געווארן אדוואקאט.

אין די יארן 1901—1905 אלס שילער פון ווילנער קאמערץ-שול געווען טעטיק אין דער שילער-ארגאניזאציע פון דער רוסישער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי. דערביי געווען ארעסטירט צוויי מאל אויף שילער-פארזאמלונגען, וועלכע זיינען אנגעפירט געווען איינע פון דעם שפעטערדיקן סאוועטישן געזאנדטן אין בערלין קרעסטינסקין און די צווייטע דורך דער באקאנטער רעוו. טוערין פרוי גאלדמאן. נאכן צווייטן ארעסט, ביי וועלכן געזעסן 3 חדשים אין תפיסה אויף לוקישקעס, אויסגעשלאסן געווארן פון דער שול.

נאכן אננעמען אין אוניווערסיטעט באקומען א חעלרונג פון רעקטאר, אז דער אויפנאם פון אלע יידן אין יאר 1909 איז צוריקגעצויגן לויט דער פאראָרדענונג פון מיניסטער קאסא. אין דער צייט, ווען די אויסגעשלאסענע האבן אונטערנומען טריט אין מיניסטעריום וועגן דער אומדערהערטער זאך, האט זיין פאטער אנגעגעבן א באזונדערע בקשה צום קייזער ניקאלאי. שוין אין א לאנגער צייט נאכדעם, ווען ער איז צוזאמען מיט אלע אויסגעשלאסענע יידן צוריק אנגענומען געווארן, האט זיין פאטער באקומען א תשובה פון קייזערס קאנצעלאריע, אז זיין בקשה קען ניט באפרידיקט ווערן. אזוי-ארום קען מען זאגן, אז י. האט שטודירט קעגן דעם קייזערס ווילן.

אין יאר 1920 איז י. געווארן יוריסקאנסולט פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע. פון יאר 1923 — יוריסקאנסולט אויך פון דער ווילנער צענטראלער קאאפעראטיווער פאלקס-באנק. מיטארבעטער פון פנקס פון „יעקאפא".

יאכעלמאן דוד, ד"ר. ז. ווייטער.

יאנאווסקי שמואל. געבארן אין יאר 1878 אין פעטערבורג. געענדיקט דארט דעם יורידישן פאקולטעט אין יאר 1890. האט גענומען אנטייל אין צוזאמענשטעלן

דעם גרויסן סטאַטיסטישן ווערק פון יק"א: „זאַמל-בוך פון מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד" (רוסיש, 1914).

פון יאר 1904 איז ער געווען פאַרוואַלטער פון עמיגראַציע-ביוראָ פון יק"א אין רוסלאַנד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם, ניט קוקנדיק אויפן ווידערשטאַנד פון די אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן אין רוסישן און מערב-אייראָפּעאישן יידנטום. דאָס ביוראָ האָט זיך אינגיכן פאַרוואַנדלט אין אַ ברייט-פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע מיט אָפּטיילונגען אין עטלעכע הונדערט שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד און פּוילן. דאָס עמיגראַציע-ביוראָ

האָט געשאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור אין די עמיגראַציע-ענינים. דאָס וויכטיקסטע ווערק איז געווען דאָס ענציקלאָפּעדישע „האַנט-בוך וועגן עמיגראַציע-פראַגן" (רוסיש) אונטער דער רעדאַקציע פון ש. יאַנאָווסקי און אַ. קאַסטעליאַנסקי, וואָס איז ארויס אין פעטערבורג אין יאָר 1914, אייניקע חדשים פאַר דער מלחמה. פון יאָר 1907 האָט דאָס ביוראָ ארויסגעגעבן אַ זשורנאַל: „דער יידישער עמיגראַנט" (פריער אין פעטערבורג, דערנאָך אין ווילנע). אין יאָר 1913 איז די אָרגאַניזאַציע קאָנסאָלידירט געוואָרן דורכן צוזאַמענפאָר אין ווילנע, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען בערך 200 פאַרטרעטער פון די וויכטיקסטע צענטערס פון דער יידישער עמיגראַציע.

יאַנאָווסקי האָט אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען איבער עמיגראַציע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פראַגן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן אין רוסלאַנד: „יעווריייסקאַיאַ זשיזן", „זשורנאַל מיניסטערסטוואַ יוסטיציי" און אַנדערע, און אין די לעצטע יאָרן — אין דער העברעאישער צייטונג „הארץ" אין ארץ-ישראל און אין „העולם". אין איינצלנע אויסגאַבן זיינען ערשינען זיינע ווערק (אויף רוסיש): „יעווריייסקאַיאַ נוזשדאַ אי בלאַגאָטוואָריטעלנאָסט" (די יידישע נויט און די וואוילטעטיקייט) [1902], „סרוואָוואַי עלעמענט וו יעווריייסטווע" (דעמהאָרעפאַשונער עלעמענט בײ יידן) [1918], „פערספעקטיווי יעווריייסקאַי זשיזני" (די פּערספּעקטיוון פון יידישן לעבן) [1916], אונטער דעם פּסעוודאָנים [S. Nistar און אַנדערע.

יאַנאָווסקי איז געווען איינער פון די סאַמיקע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פעטערבורג. (ס'איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז נאָך אין יאָר 1902—1903 האָט ער צוזאַמען מיט י. יאַשונסקי ביי דער מיטווירקונג פון אַ קליינער גרופּע פון סטודענטן צונויפגעשטעלט דעם ערשטן ביבליאָגראַפישן האַנט-בוך וועגן ציוניזם אויף רוסיש — „אוקאַזאַטעל ליטעראַטורי אָ סיאָניזמע", וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1903 ביי דער מיטהילף פון ג. בעלקאָווסקי אין פעטערבורג, — זייטן 212, נומערן איבער 1.000 מיט אָנווייזונגען, — און וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער ביבליאָגראַפיע וועגן ציוניזם פון דער נייערער צייט). אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט פון די רוסישע ציוניסטן איז אַריבער קיין פעטערבורג, איז ער געוואָרן איינער פון זיינע מיטגלידער, און איז פאַרבליבן אין אים ביז 1918. אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ-ישראל. אָנהייב יאָר 1930 האָט ער לויט דעם אויפטראָג פון „היקעם" אין פּאַריז אונטערגענומען אַן אינספּעקציע-רייזע איבער די עמיגראַציע-אָפּטיילונגען אין פּוילן און האָט אויך באַזוכט דעם גענעראַל-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע, מיט די אַרבעטן פון וועלכן ער האָט זיך נאָענטער באַקאַנט נאָך אין יאָר 1923, ווען ער האָט אים באַזוכט לויט דעם אויפטראָג פון יק"א.

יאַשונסקי יוסף. געבאָרן אין גראָדנע אין יאָר 1881. אין יאָר 1900 געענדיקט די גראָדנער גימנאַזיע, אין 1904 — דעם פעטערבורגער אוניווערסיטעט (פיזיקאַ-מאַטעמאַטישן פאַקולטעט), שטודירט אויך אין דער טעכנישער הויכשול אין שאַרלאָטענבורג-בערלין. אין די יוגנט-יאָרן געווען אַ ציוניסט, זיך באַטייליקט אין דער פּאַרטיי-אַרבעט, געווען אַ דעלעגאַט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, אָנטיילגענומען אין צונויפשטעלן דעם ערשטן ביבליאָגראַפישן וועגווייזער אויף רוסיש וועגן ציוניזם, געווידמעט דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים („אוקאַזאַטעל ליטעראַטורי אָ סיאָניזמע", פעטערבורג 1903, ז. אויבן). דערנאָך אַוועק פון דער באַוועגונג. אין די יאָרן 1908—1912 געווען פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון „פריינד" זינט זיין גרינדונג און פיל געשריבן אונטער פּאָפּולער-געוואָרענעם דאָן פּסעוודאָנים בן-חיים. אין דערזעלבער צייט געדרוקט אַרטיקלען אין די רוסיש-יידישע זשורנאַלן, רוסישע יורידישע אָרגאַנען און איבערזעצט אויף רוסיש אַ ריי וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק. אין די יאָרן 1912 — 1914 געווען נאָענסטער מיטאַרבעטער פון דער באַקאַנטער ענציקלאָפּעדיע בראָקהויז-עפראָן אויף רוסיש (און דער גרויסער ענציקלאָפּעדיע איז ער געווען סעקרעטאַר פון רעדאַקציע, אין דער קליינער — אַ רעדאַקטאָר). שפּעטער ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש.

אין יאָר 1920 זיך אומגעקערט קיין פּוילן און באַזעצט אין ווילנע. זינט יאַנואַר 1921 געאַרבעט אין „אָרט". זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" וועגן דער פאַרזאָרגונג פון מלחמה-יתומים (26 סעפּטעמבער 1922), אויף וועלכער ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון די יתומים. אין די יאָרן 1924—1928 פאַרנומען דעם פּאָסטן פון דירעקטאָר אין דער יידישער רעאַל-גימנאַזיע פון צ. ב. ק. אין ווילנע. אין סעפּטעמבער 1928 איז ער ארויסגעפאָרן פון ווילנע און זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו צוזאַמען מיט ד"ר מ. זילבערפאַרב פאַרוואַלטעט ער מיט די ענינים פון דער געזעלשאַפט „אָרט" אין פּוילן.

גלייכצייטיק פירט ער אויך ווייטער זיין ליטעראַריש-וויסנשאַפטלעכע אַרבעט (אויף יידיש). אין יאָר 1927 איז אין פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע, ארויס זיין בוך „נאַטור און מענטש. אַלטע, נייע און נייסטע דערגרייכונגען אין נאַטורוויסנשאַפט און טעכניק". זינט 1929 רעדאַקטירט ער די פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק „נאַטור און קולטור" (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע ביז אַפּריל 1930 ערשינען 9 ביכלעך). אין זשורנאַל „אונזער צייט" (1928) און אין די „אָרט-ידיעות" (זינט 1929) האָט ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן ראַציאָנאַליזירונג. אויף ליטעראַריש-ביבליאָגראַפישע טעמעס (און רעצענזיעס) האָט ער געשריבן אין „ביכער-וועלט", „ליטעראַרישע בלעטער" א. א. אין דער „פאָלקס-צייטונג", וואַרשע, פירט ער זינט 1923 אַ סעריע „שמועסן וועגן נאַטורוויסנשאַפט און טעכניק" (וועכנטלעכע פעליעטאָנען, וועלכע האַלטן שוין ביי קרוב 300 אַרטיקלען, מיטאַרבעטער פון יוו"א.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

יעווזעראָוו מרדכי. געבאָרן אין יאָר 1883 אין ניעזשין (טשערניגאָווער גוב.) ביי סוחרישע עלטערן (זיין זיידע איז געווען א גלאַסני אין שטאָט-דומע, זיין קוזין מענדל—עמנואל לוואָוויטש—א פּאָפּולערער אויף דרום-רוסלאַנד הויפּט-פאָרטרעטער פון גרויסע פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפטן, ווערט דערמאָנט ביי שלום-עליכם'ען; אויך דער באַקאַנטער מטיף יעווזעראָוו געהערט צו דער פאַמיליע). געענדיקט א שטאָטישע שול, געווען אַן עקסטערן. פון יאָר 1902 הויבט אָן זיין געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע טעטיקייט אלס טוער אין „בונד". אין יאָר 1904—1905 געווען אין דער שווייץ, וואו י. האָט צוזאַמען מיט אבראַם מוטניק געבראַכט אין אָרדענונג דעם אַרכיוו פון „בונד" אין גענף (איצט אין בערלין). סוף 1906 קערט ער זיך אום צוריק קיין רוסלאַנד און אַרבעט אין דער פּאַרטיי. געווען עקספּעדיטאָר פון די ווילנער בונדישע טעגלעכע צייטונגען „וועקער", „פאָלקסצייטונג" און „האָפנונג" (1905—1907), פריוואַט געאַרבעט אלס אָנגעשטעלטער.

אין יאָר 1911 געאַרבעט אין ווילנער הילפס-קאָמיטעט צוזאַמען מיט זיין ברודער דוד יעווזעראָוו (שפּעטערדיקער פאַרוואַלטער פון די אַרבעטס-ביוראָען פון „אָרט" אין רוסלאַנד, געשטאָרבן אין יאָר 1923 אין מאָסקווע). אין יאָר 1915 אָפּגעפאָרן פון ווילנע (צוזאַמען מיטן באַראָן אָסיפּ דאַווידאָוויטש גינזבורג, ב. אייסוראָוויטש און י. ותרניק, וועלכע האָבן אויך דאַן געאַרבעט אין ווילנער הילפס-קאָמיטעט), ערב דעם פאַרנעמען די שטאָט דורך די דייטשן, קיין מינסק, וואו ער איז באַשטימט געוואָרן אלס באַפולמעכטיקטער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ" אין פּעטערבורג, פריער אויף סלוצקער ראַיאָן, דערנאָך אויף מינסקער גובערניע און נאָכן פאַרנעמען מינסק דורך די דייטשן אין יאָר 1918 — אויף וויטעבסקער, מאָהילעווער און סמאָלענסקער גוב. אָנהויב 1919 איז י. צוריקגעקומען קיין ווילנע, געאַרבעט אין רויטן קרייז אלס פאַרשטייער פון ווילנער „יעקאָפּאָ", ביי וועלכן ער איז פריער געווען באַפולמעכטיקטער. דערנאָך מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון יאָר 1919 ביז איצט און געווען פאַרוואַלטער פון דער יתומים-אָפּטיילונג. מיטן גרינדן אין ווילנע די צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבאַנק אין יאָר 1921 איז י. אויסגעקליבן געוואָרן אלס מיטגליד פון פאַרוואַלטונג און אין יאָר 1928 — מיטגליד פון דירעקציע פון דער באַנק. י. איז אויך מיטגליד פון פּרעזידיום פון צ. ב. ק. אין ווילנע, מיטגליד פון שטאָטישן קאָמיטעט יוו"א אין ווילנע, געווען מיטגליד פון די קאָמיטעטן „אָרט", „אָזע" א. א.

י. האָט אָפּגעדרוקט פאָלגנדע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן: 1) „די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין דאַטן" 1876—1922 און „די פּרעסע פון „בונד" 1896—1922 (אין בונדישן זאַמלבוך „25 יאָר", פאַרלאַג „די וועלט", וואַרשע, 1922); 2) „צו דער ביבליאָגראַפיע פון „בונד" (אין „אַרבעטער-לוח" אויף דאָס יאָר 1925, זעקסטער יאָרגאַנג, וואַרשע). האָט אין מאַנוסקריפּט א פאַרטיקע גרעסערע ביבליאָגראַפישע אַרבעט וועגן דער גאַנצער ליטעראַטור און פּרעסע (לעגאַלע און אומלעגאַלע) פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג (דערהויפּט פון „בונד") פון די 70-קער יאָרן ביז אויף היינטיקן טאָג.

כהן בערנאַרד, ד"ר. געבאָרן אין אָסקאַרסהאַם (פּאָרט-שטאָט אין שוועדן) אין יאָר 1876. געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין בערלין און ווירצבורג אלס דאָקטאָר יורי. פון יאָר 1901 זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, צוערשט אין מינכן און דאָ, פון יאָר 1904 ביז 1921 אלס גענעראַל-סעקרעטאַר פונם „הילפס-פאַראיין פון די דייטשע יידן". איז אין משך פון די יאָרן געשטאַנען בראש פון דער גאַנצער סאָציאַלער אַרבעט פון דער דאָזיקער גרויסער מערב-אייראָפּעאישער אָרגאַניזאַציע. שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט האָט כ. — איינער פון די ערשטע — פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן מהות פון דער יידישער עמיגראַציע-פּראָבלעם און שוין דעמאָלט, מיט 20 יאָר צוריק, האָט ער אָנגעמערקט נייע מעטאָדן פון קאָנסטרוקטיווער הילף און פון א פּלאַנמעסיקן אָרגאַניזירן דעם ביז דעמאָלט גאַנץ כאַאָטישן יידישן אויסוואַנדערונגס-שטראָם פון מזרח-אייראָפּע אין די איבער-ים-לענדער. 17 יאָר כסדר האָט כ. אָנגעפירט מיט אַלע אַקציעס פון דייטשן „הילפס-פאַראיין". ניט נאָר מיט מאַטעריעלער הילף, נאָר אָפט אויך מיט וויכטיקע פּאָליטישע אינטערווענציעס האָט דער „הילפס-פאַראיין" אין די אָנגערופענע יאָרן אויסגעהאָלפן דעם יידנטום פון רוסלאַנד, רומעניע א. א. נאָך דעם קישינעווער און האָמלער פּאָגראָם האָט דער „הילפס-פאַראיין" אָרגאַניזירט אין בערלין א ספּעציעלע אַקציע לטובת די אלמנות און יתומים פון די פּאָגראָם-קרבנות, וואָס האָט איינגעבראַכט איבער 600.000 גאָלד-מאַרק. א באַדייטנדע סאָציאַלע און פּאָליטישע טעטיקייט האָט כ. אַנטוויקלט בעת די בהלות אין רומעניע אין יאָר 1907 און בעת דעם באַלקאַן-קריג אין יאָר 1912. צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאָרבענעם באַקאַנטן סאָציאַלן עסקן און פּאָליטיקער ד"ר פּאָול נאַטאַן האָט כ. דעמאָלט באַזוכט רומעניע, סערביע, בולגאַריע, טערקיי, איז אויפגענומען געוואָרן אויף אוידיענצן פון די רעגירנדע מלכים און האָט פיל אויפגעטאָן כדי צו פאַרלייכטערן אין די לענדער די יידישע נויט און פּיין. א גרויסן פאַרדינסט האָט כ. אויך אין דעם גרינדן פון דעם חיפער טעכניקום אין ארץ-ישראל. בעת דער וועלט-מלחמה פירט כ. אָן מיט דער אַקציע פון „הילפס-פאַראיין" לטובת די מגורשים און עוואַקואירטע און בכלל לטובת די יידישע מלחמה-קרבנות. אויך אין בערלין האָט כ. דעמאָלט געגרינדעט א ספּעציעלן קאָמיטעט, וועלכער האָט איבערגעשיקט קיין פראַנקרייך, רוסלאַנד און ענגלאַנד איבער 20.000 פּערזאָן. אויך די הילף פאַר די יידן אין טערקיי און די אַלע אַנדערע הילפס-אַקציעס ווערן אָנגעפירט פון כ., וועלכער האָט צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם ד"ר פּאָול נאַטאַן און מיט דעם באַקאַנטן דייטש-יידישן פילאַנטראָפּ דזשעמס סימאָן געבילדעט יענעם טריאומוויראַט, וואָס האָט אין זיך פּערזאָניפיצירט דעם גאַנצן „הילפס-פאַראיין" און וואָס איז געווען אין משך פון לאַנגע יאָרן דער אַדרעסאַט פאַר יידישע נויטן, צרות און פּורעניות.

זינט 1921 שטייט כ. בראש פון דער גראַנדיעזער אַרבעט פון דעם אַמעריקאַנער „דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט" (ד. ד. ק.) אין אייראָפּע, וואָס האָט לויט דעם פאַרנעם פון זיין סאָציאַלער אַרבעט אין די נאָכמלחמה-יאָרן כמעט ניט זיין גלייכן ביי קיין פאָלק. די אַרבעט פון „דזשוינט" ווערט נאָך עד-היום געפירט אין פיל לענדער פון מזרח- און מערב-אייראָפּע. עס איז גענוג אָנצוווייזן, אַז זינט נאָך דער מלחמה ביז 1930 האָט דער „דזשוינט" פאַרווענדעט אויף הילף פאַר אייראָפּע איבער 75 מיליאָן דאָלאַר.

סיי די פאַרמלחמה-תקופה פון „הילפס-פאַראיין" און סיי דער נאָכמלחמה-פּעריאָד פון דעם „דזשוינט" זיינען ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון כ. אין „דזשוינט" איז ער דער גענעראַל-דירעקטאָר פאַר אייראָפּע און אין דער „פונדיישן" (פאַראייניקונג פון ד. ד. ק. און יק"א פאַר קרעדיט-הילף א. א., געגרינדעט אָנהויב 1924) — דירעקטאָר-פאַרוואַלטער (מענעדזשינג-דירעקטאָר) צוזאַמען מיט לואי אונגער.

נאך פון זיינע סטודענטישע יארן סימפאטיזירט כ. מיט דער ציוניסטישער און נאציאנאל-יידישער ארבעט. אין יאר 1929 איז ער אויסגעקליבן געווארן אין ראט פון דער יידישער אגענץ.

אלס הויפט-פארטרעטער פון „דזשוינט“ און „פונדיישן“ האט ער באזוכט פיל לענדער, בתוכם אויך א פאר מאל פוילן (1926, 1929, 1930). איז אויך געווען אין ווילנע און אין קאמיטעט „יעקאפא“, וועלכער איז אין משך פון יארן געשטאנען מיט אים אין א קאנטאקט וועגן פיל ענינים פון הילף און אויפבוי.

כהן ברוך מרדכי. געבארן אין מאהילעוו אויפן דניעפר אין יאר 1883 אין א רייכער סוחרישער פאמיליע (אין דערזעלבער פון מרדכי בן הלל הכהן, זיין פעטער, וועלכער האט איר באשריבן אין זיינע מעמוארן „כבר“ און „עולמי“). זיך געלערנט אין חדרים, ישיבות און אין דער היים. געזעלשאפטלעך-פאליטיש האט ער אנגעהויבן צו ארבעטן אין יאר 1898-1900 אלס טוער אין „בונד“. אין די יארן 1900—1902 איז ער געווען באשעפטיקט אין דער געזעלשאפט פאר קעגנזייטיקן קרעדיט אין האמעל. אין די יארן 1902—1904 האט ער זיך פארנומען דערהויפט מיט דער פארטיי-ארבעט פון „בונד“, באוואוסט אונטערן פסעוודאנים ווירגילי. בעת דעם פאגראם אין זשיטאמיר אין יאר 1905 איז ער געשטאנען בראש פון דער יידישער זעלבסטשוץ. אין די יארן 1908—1910 איז כ. געווען דער געשעפטס-פירער פון זשורנאל „יעווריייסקי מיר“ אין פעטערבורג. 1913—1915 האט ער געארבעט אין דער געזעלשאפט פאר קעגנזייטיקן קרעדיט אין נ.-ווילייקע. 1915—1918 אלס פארוואלטער פון א מיל אין פעטערבורג.

אין יאר 1918 איז כ. געקומען קיין ווילנע, וואו ער האט זיך באזעצט און אנטוויקלט א געזעלשאפטלעך-קולטורעלע טעטיקייט. איז מיטגליד פון פרעזידיום פון צ. ב. ק. (צענטראלן בילדונגס-קאמיטעט), צענטראלער שול-ארגאניזאציע, יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, געז. „ארט“. געארבעט אלס בוכהאלטער-קאנטראליאר אין דער ערשטער יידישער דעמאקראטישער קהילה אין ווילנע, געווען א מיטגליד פון פארוואלטונג פון דער צענטראלער יידישער קאאפעראטיווער פאלקסבאנק אין ווילנע און א געוויסע צייט אויך אירער א דירעקטאר, דערנאך האט ער געארבעט אין א פריוואטער פירמע און שפעטער איז ער אייניקע יאר געווען א אינספעקטאר פון דער ווילנער עקספאזיטור פון ווארשעווער קאאפעראטיוון פארבאנד. אויפן צעטל פון „בונד“ איז כ. אויך אויסגעקליבן געווארן אין יאר 1927 אלס מיטגליד פון ראט פון דער ווילנער קראנקן-קאסע און אלס ראטמאן פון ווילנער שטאטראט, אין יאר 1928 אלס מיטגליד פון פארוואלטונג פון ווילנער קהילה. צוליב זיין געזונט-צושטאנד האט זיך כ. שפעטער פון די דאזיקע אמטן אפגעזאגט. פון יאר 1919 ביז 1922 איז כ. געווען מיטגליד פון פרעזידיום פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“ אין ווילנע, אויף דער ערשטער קאנפערענץ פון וועלכן ער האט געהאלטן א רעפעראט וועגן פראדוקטיווע הילף און קאאפעראציע און וועלכן ער האט אין דער ערשטער צייט בכלל פיל מיטגעהאלפן אין דער ארבעט.

זיין פרוי תיה — סאפיא אבראמאווגא — כהן-סטופעל (געשטארבן אין מערץ 1923) איז געווען א ראטמאן (אויך פון דער „בונד“-ליסטע) פון דער ערשטער ייד. דעמ. קהילה אין ווילנע, האט זיך פארנומען מיט פעדאגאגישער און בילדונגס-טעטיקייט און האט אין יאר 1922—1923 געארבעט אין ווילנער „דזשוינט“-ביורא פאר יתומים-פארזארגונג, וועלכע איז געווען א געוויסע צייט טעטיק ביי דער ווילנער קהילה, זיך באטייליקט אין דער יתומים-קאנפערענץ פון „יעקאפא“ אין דעצעמבער 1922.

כהן שלום (שלמה-יעקב). געבארן אין קארעליטש (נאוואגרודקער קרייז) אין יאר [illegible] אין א רבנישער משפחה. די ערשטע בילדונג באקומען אין חדרים און ישיבה. נאכדעם געענדיקט א רוסישע שטאט-שול און א קורצע צייט געווען א שילער פון 6-טן קלאס כהנס גימנאזיע אין ווילנע. פון אן לעבנס-יאר ביזן אויסברוך פון קריג פארנומען שטעלעס אלס בוכפירער אדער קאסירער אין פארשיידענע ערטער. ארויסגעשיקט דורך די דייטשן פון קארעליטש, באזעצט זיך מיט דעם פאטערס פאמיליע אין נאוואגרודעק. פארנעמט זיך דארט מיט פריוואטע לעקציעס און גיט זיך אפ דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. ארבעט פריער אין הילפס-קאמיטעט, וועלכער פארטיילט די שטיצע, וואס באקומט זיך פון „הילפס-פאראיין פון די דייטשע יידן אין בערלין“, צווישן די נויטבאדערפטיקע היימלאזע און קרבנות פון דער מלחמה, וועלכע געפינען זיך אין א גרויסער צאל אין נאוואגרודעק. פון זומער 1918 יאר ביז זומער 1919 געארבעט אלס סעקרעטאר פון דעם „איבערזידלונגס, בוי- און הילפס-קאמיטעט אין נאוואגרודעק“, און פון זומער 1919 יאר ביז סוף 1920 יאר אלס סעקרעטאר פון יידישן קאמיטעט און נאכדעם פון דער ערשטער דעמאקראטיש-געוויילטער יידישע קהילה אין נאוואגרודעק. איינער פון די גרינדער און בויער פון דער נאוואגרודקער פאלקס-שול, אין וועלכער געארבעט אלס לערער אין משך פון 4 יאר. 3 יאר געארבעט אלס לערער און פארוואלטער אין קארעלישער פאלקס-שול, פון וועלכער אויך געווען דער גרינדער און בויער.

כ. איז געווען איינער פון די ערשטע מיטארבעטער ביי דער אויפבויאונגס-אקציע פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“ אין נאוואגרודקער ראיאן און דעלעגאט אויף זיינע קאנפערענצן. אין יאר 1929 דורכגעפירט לויטן אויפטראג פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“ אין ווילנע רעוויזיעס אין 70 גמ״ח-קאסעס אין ווילנער און נאוואגרודקער וואיעוואודסטוועס, וועלכע ווערן סובסידירט און אנגעפירט פון אים. נאענטער מיטארבעטער פון פנקס פון „יעקאפא“.

כארלאש יצחק. געבארן אין יאר 1892 אין בריסק דליטע אין א פרומער חסידישער שטוב. ביז 16 יאר געלערנט צוערשט אין חדרים און שפעטער אין ר' חיים סאלאווייטשיקס (ר' חיים בריסקערס) ישיבה אין בריסק, אבער אין דערזעלביקער צייט געלערנט העברעאיש און גלייענט ספענסערן, באקלען און דארווינען. צו 16 יאר געווארפן דאס לערנען אין דער ישיבה און גענומען זיך פאר וועלטלעכער בילדונג. אין דער דאזיקער צייט אויך אריבער צו יידיש. פון 18 ביז 21 יאר באזוכט און פארענדיקט מיט אן אויסצייכנונג די בריסקער רוסישע קאמערץ-שול. פארגעזעצט די בילדונג אין יעקאטערינאסלאווער פאליטעכניקום, מאסקווער קאמערץ-אינסטיטוט און בערלינער אוניווערסיטעט.

פון זייער פרי ארויסגעוויזן א שטארקע נייגונג צו געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און סימפאטיע צו סאציאליסטישע אידעען. אין יאר 1910 אריינגעטראטן אין דער אומלעגאלער בונדישער ארגאניזאציע אין בריסק און אין צוויי יאר ארום געווען שוין מיטגליד פון ארטיקן בונדישן „קאלעקטיוו“ (אומלעגאלער אנפיר-ארגאן). פון דעמאלט אן ביז היינט ניט איבערגעריסן די פארבינדונג מיטן „בונד“ און געארבעט אקטיוו אויף פארשיידענע געביטן פון דער ארבעטער-באוועגונג.

פון די פריסטע יארן געשריבן קארעספאנדענציעס אין „הצפה“ און „הזמן“. שפע-

טער אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע פון „פריינד". דערנאָך אין רוסישע פּראָווינץ־צייטונגען נאָטיצן און אַרטיקלען וועגן טעאַטער און ליטעראַטור. אין 1917 געווען רעדאַקציע־מיטאַרבעטער אין מינסקער „וועקער". אין 1918 מיטגעאַרבעט אין די מאָסקווער בונדישע אויסגאַבעס „האָפענונג" און „צוקונפט": מיטרעדאַגירט און אַרויסגעלאָזן דעם מאָסקווער זאַמלבוך „צום אָנדענק פון קאַרל מאַרקס", וואו געשריבן אונטערן פּרעוודאָנים „יצחקי". אין די יאָרן 1921—1923 מיטרעדאַגירט די ווילנער בונדישע צייטשריפטן „דאָס פרייע וואָרט" און „אונזער צייט", וואו געשריבן אונטער די פּסעוודאָנימען „בן־ברוך", „אַן אייגענער" א. א. אין 1924 אַ קורצע צייט קאָרעספּאָנדירט פון בערלין צום ניו־יאָרקער „פאָרווערטס". געשריבן אויך אין מאָסקווער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „וופּעריאָד", אין בערלינער „סאָציאַליסטישעסקי וועסטניק" א. א. בעת דער גרינדונג פון ריגער „פרימאָרגן" אין יאָר 1926 געווען טעכנישער און סטיליסטישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, אויך מיטגעאַרבעט אין ריגע אין דער בונדישער „אונזער וואָרט" און אין די זשורנאַלן „נייע וועגן" און „די וואָך". די לעצטע יאָרן איז כ. לערער פון יידיש און ליטעראַטור אין דער ריגער שטאָטישער יידישער מיטלשול און לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן ביי דער ציש"א אין לעטלאַנד.

אין די יאָרן 1920 און 1921 האָט כ. געאַרבעט אין געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די ליי־ און שפּאָר־קאַסעס און בכלל אויפן געביט פון קאָאָפּעראַציע. האָט צונויפגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום וועגן דער „קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג ביי יידן אין ווילנע און אומגעגנט", וועלכער באַהאַנדלט די געברויכס־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע און איז אָפּגעדרוקט אין „יעקאָפּאָ"־אָרגאַן „אונזער הילף" (נאָוועמבער 1921). האָט זיך אויך באַטייליקט אין די קאָנפערענצן וועגן קרעדיט־ און געברויכס־קאָאָפּעראַציע, וואָס „יעקאָפּאָ" האָט צונויפגערופן אין ווילנע דעם 30—31 מערץ און 1 אַפּריל 1921, וואו ער האָט געהאַלטן רעפעראַטן.

לאַנגבאַרט אהרן. געבאָרן אין ווילנע אין יאָר 1893. זיין פאָטער חיים איז געווען אַ שילער פון ווילנער ראַבינער־שול, פון וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן (פון 4־טן קלאַס) און געוואָרן אַ בעל־מלאכה (סטאָליער) און שפּעטער אַ בוי־אונטערנעמער. ל. האָט זיך געלערנט אין אַ רוסיש־יידישער קרוין־שול, וועלכע געענדיקט, גלייכצייטיק אויך אין חדרים. געווען אַן עקסטערן. פון 12 יאָר זיך אָנגעהויבן אויסצוהאַלטן זעלבשטענדיק. געגעבן לעקציעס, געווען אַ שוואַרצער אַרבעטער, דערנאָך געווען באַשעפטיקט אין קאָנטאָרן ביי פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. געווען טעטיק אין פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען און זיך באַטייליקט אין זעלבסטשוץ. אין די יאָרן 1914—1915 געאַרבעט צווישן די היימלאָזע ביים קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין מאַריופּאָל, דרום־רוסלאַנד (וואו געווען געשטעלט), אומקערנדיק זיך קיין ווילנע האָט ער אין 1915 און אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אָנטיילגענומען אין די אַרבעטן פון דער געזעלשאַפט „קינדער־פאַרזאָרגונג" א. א. און איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער קינדער־היים ביי דער אָנגערופענער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט אין דער פאָלקס־שול אויפן נאָמען פון לייזער גורוויטש, אַ לערער, וועלכער איז אכזריותדיק דערהרגעט געוואָרן אין די בלוטיקע אַפּריל־טעג 1919.

זייענדיק אַליין באַשעפטיקט אַלס סוחר פון אַן אייזן־געשעפט, האָט ל. אָפּגעגעבן פיל צייט ביי דער אַרבעט אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן און האָט אַנטוויקלט אַ גרעסערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ל. איז איינער פון די ערשטע קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין ווילנע אין יאָר 1917. איז אַ מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע פון יאָר 1919 ביז אויף היינטיקן טאָג און האָט מיטגעאַרבעט ביי אַלע זיינע הילף־ און אויפבוי־אַקציעס. פון יאָר 1928 איז ער פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג פון דער צענטראַלער יידישער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק און דירעקטאָר פון דער ערשטער ליי־ און שפּאָר־קאַסע (יידישע באַנק) אין ווילנע, איז מיטגליד פון ראַט פון דער באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון אין וואַרשע און פאָרזיצער פון דער ווילנער עקספּאָזיטור פון וואַרשעווער „יד. קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד".

לונסקי חייקל. געבאָרן אין סלאָנים אין יאָר 1881. צו 4 יאָר אָנגעקומען אין חדר, צו 8 יאָר אין סלאָנימער ישיבה, צו 13 יאָר געווען אַ בקי אין צוויי סדרים גמרא. אין יאָר 1892 געקומען קיין ווילנע, וואו די ערשטע צייט געווען אַ משמש אין דער אַלטער קלויז. השכלה אָנגעהויבן לערנען אין יאָר 1893 אַדאַנק זיין באַקאַנטשאַפט מיטן געוועזענעם רעדאַקטאָר פון „הכרמל" און ביבליאָפיל ר' חיים לייב מאַרקאָן ז"ל. מאַרקאָן האָט ל. זייער מקרב געווען און אים געליען ספרים פון זיין גרויסער ביבליאָטעק אויף אַהיים. סוף יאָר 1895 אָנגעקומען אין שטראַשונס ביבליאָטעק, וואו ער איז ביבליאָטעקאַר ביז אויף היינטיקן טאָג שוין 35 יאָר. אויסער זיין אַרבעט אין ביבליאָטעק איז ל. פון יאָר 1897 געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ווילנע, אין וועלכער ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן דורך דאָס הויז פון י. ל. גאָלדבערג, וואָס איז געווען אַ בית ועד לעסקנים פונקט ווי דאָס הויז פון י. ל. מאַרקאָן איז געווען אַ בית ועד לחכמים.

אין די מלחמה־יאָרן האָט ל. גענומען אַ גרויסן אָנטייל ביים געבן הילף די מגורשים פון קאָוונער און קורלענדער גוב. באַזונדערס אינטענסיוו האָט ער געאַרבעט צווישן די היימלאָזע, וואָס האָבן זיך געפינען אין די קלויזן. פאַר די היימלאָזע ישיבה־לייט האָט ער אויך געגרינדעט אַ גמ"ח. אין יאָר 1919—1920 האָט ל. מיטגעהאָלפן די רעעמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געפינען אין די קלויזן און אויפן שולהויף. פון יאָר 1919 האָט ער אויך אָנגעהויבן צוריק אויפצושטעלן אין די קלויזן די גמילות־חסדים, וואָס זיינען חרוב געוואָרן אין דער מלחמה־צייט און האָט פיל אויפגעטאָן אויף דעם געביט. סוף יאָר 1918, ווען קיין ווילנע איז געקומען ש. אַנ—סקי ז"ל, האָט זיך ל. מיט אים שטאַרק באַפריינדעט און אים מיטגעהאָלפן ביים גרינדן די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט און זאַמלען אַליין פאַר איר אַרכיוו און מוזיי טויזנטער דאָקומענטן, ספרים, בילדער, פנקסים, פאָלקלאָר־מאַטעריאַלן א. אַז. וו., האָט אויך געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַרן פנקס פון דער היסט.־עטנ. געזעלשאַפט, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1922 און פאַרן מוזיקאַלישן פנקס פון דערזעלבער געזעלשאַפט, ערשינען אין יאָר 1927. ל. איז אויך אַ טעטיקער מיטגליד פון קאָמיטעט „דורשי האוניברסיטה בירושלים" און אַ מיטגליד פון דער ביאָגראַפישער קאָמיסיע פון ייוו"א.

זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט האָט ל. אָנגעהויבן אין יאָר 1905 (אין „לוח ארץ־ישראל" פון א. מ. לונץ, ירושלים תרס"ה, מיט צוויי ציוניסטישע שירים אויף העברעאיש). צו שרייבן יידיש האָט ל. אָנגעהויבן ערשט אין יאָר 1917 לויט דעם פאָרשלאָג פון מ. שאַליט, וועלכער האָט אַלס רעדאַקטאָר פון „ווילנער זאַמלבוך" באַשטעלט ביי ל. און אָפּגעדרוקט זיין אַרטיקל „ווילנער

קלויזן און דער שולהויף (צווייטער באנד, 1918), אויפגעמונטערט פון די גוטע אפרופן האט ל. פארגעזעצט זיין שרייבן און האט אינגיכן ארויסגעגעבן אייניקע ווייטערדיקע ארבעטן („פון ווילנער געטא״, בילדער און געשטאלטן; „לעגענדעס וועגן ווילנער גאון״; ארטיקלען אין זשורנאל „לעבן״, פנקס פון דער ווילנער היסט.-עטנ. געז. [אין וועלכער ער איז „סעקרעטאר] א. א.), וואס האבן געצווינגען די אויפמערקזאמקייט פון דער קריטיק אויף ל. אלס פאלקסטימלעכן שרייבער פון א באזונדערן סטיל, אנגעזאפט מיט אלט-יידישקייט. האט זיך באטייליקט אין א ריי פעריאדישע אויסגאבן. האט פארטיק אין דרוק „גאונים און גדולים פון (נאענטן עבר״ (ביאגראפיעס פון רבנים) און א ריי ביבליאגראפישע און קולטור-היסטארישע מאטעריאלן און רשימות אין כתב-יד. ל. איז א מיטארבעטער פון פנקס פון „יעקאפא״.

ליאקערמאן שמואל. געבארן אין יאר 1888 אין קרעווע (ווילנער גוב.). געלערנט אין חדרים און פריוואט. קומענדיק קיין ווילנע איז ל. נאך גאר יונג אריינגעצויגן געווארן אין דער ס. ס.-שער באוועגונג, און פון דאן אן זיך גענומען אינטערעסירן מיט פאליטישע און געזעלשאפטלעך-קולטורעלע פראגן פון יידישן לעבן. פון ווילנע געשריבן קארעספאנדענציעס אין פעטערבורגער „טאג״ (1904) און שפעטער אין „וועג״ (ווארשע, 1907). האבנדיק אינטערעס פאר פראגן פון יידישער עמיגראציע און קאלאניזאציע, איז ל. פאר דער מלחמה געשטאנען אין פארבינדונג מיט יק״א אין פעטערבורג און מיט דער טעריטאריאליסטישער ארגאניזאציע אין קיעוו (בנוגע גאלוועסטאן). אין יאר 1916 געארבעט א געוויסע צייט פריוויליק אין שפייזפונקט פון „יעקאפא—אזע״ אין וואלאזשין.

בעת אין יאר 1917 האט זיך ארגאניזירט אין פעטערבורג די „יידישע דעמאקראטישע פאראייניקונג״ (שפעטער „פאלקס-פארטיי״) האט זיך ל. געשטעלט מיט איר אין פארבינדונג און ביי די וואלן צום אל-רוסישן יידישן צוזאמענפאר (ניט צושטאנדגעקומען צוליב דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש) און צו די דעמאקראטישע קהילות האט ל. געארבעט אלס באפולמעכטיקטער פון צ. ק. פון דער „פאלקס-פארטיי״ אין מאהילעוו, ארשע און מינסק. מיטגעארבעט אין „פאלקסבלאט״ (ארגאן פון דער „פאלקס-פארטיי״, 1917).

נאך דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש האט ל. געארבעט אין מינסק אלס פארוואלטער פון די באראקעס און שפייזפונקט פון „זעמסאיוזגאר״ אויף טערעבראנקע (מינסקער פארשטאט), וואו ס'זיינען טעגלעך דורכגעגאנגען טויזנטער היימלאזע. שפעטער אויך געארבעט אין קאמיסאריאט פון סאציאלער פארזארגונג אין דער אפטיילונג פון מוטער- און קינדער-שוץ.

אין יאר 1919 בעת די פאלאקן האבן פארנומען מינסק און ס'איז געווארן אקטועל די פראגע פון רעעוואקואירן די היימלאזע פון פראנט-געביט (קרעווע, סמארגאן א. א.) האט ל. צוזאמען מיט פארשטייער פון סמארגאן ארגאניזירט באראטונגען און זיך באטייליקט אין א דעלעגאציע צו ד״ר באגען (דאן געקומען אין מינסק מיט דער אמעריקאנער מיסיע), אז דער „דזשוינט״ זאל געבן הלוואות אויף אפבויען די בנינים אין די חרוב-געווארענע פראנט-שטעטלעך. ל. האט וועגן דעם דאן אויך געשריבן אין דער מינסקער יידישער צייטונג „פארן פאלק״.

סוף יאר 1919 איז ל. צוריק געקומען קיין פוילן. אין יאר 1922 באזעצט זיך ל. אין ווילנע, ארבעט דא א קורצע צייט אין „קאמיטעט צו העלפן די הונגערליידנדע אין רוסלאנד״ און פון יאר 1923 אן אלס שטענדיקער מיטארבעטער און פארוואלטער פון זשורנאל „פאלקסגעזונט״ (אונטער דער רעד. פון ד״ר צ. שאבאד. פארלאג „טאז-אזע״). ל. האט צוזאמענגעשטעלט א וואכן-לוח „היגיענע״ (יארן 1928, 1929 און 1930, פארלאג „טאז״, ווארשע) און האט אקטיוו מיטגעהאלפן ביים ארויסגעבן א גאנצע ריי היגיענישע ביכער פון דער צענטראלע „טאז״. ער איז אויך מיטארבעטער פון די „טאז-ידיעות (ווארשע, 1928—1930). פון צייט צו צייט שרייבט ל. אין „ווילנער טאג״ אויף פארשיידענע געזעלשאפטלעכע טעמעס (אונטערן אייגענעם נאמען און פסעוודאנימען ש. באסמאן, ש. באסין, בן משה). ל. איז געווען איינער פון די הויפט-ארגאניזאטארן פון דער דעמאקראטיש-פאלקיסטישער קאנפערענץ (ווילנע 21—22 אווגוסט 1926), אויף וועלכער ער איז אויך אויסגעוויילט געווארן אלס גענעראל-סעקרעטאר פון צענטראלראט פון דער פארטיי. ל. האט מיטגעארבעט אין זשורנאל „פרייער גדאנק״ (ווילנע 1926—1927, אונטער דער רעדאקציע פון ד״ר צ. שאבאד, ה. ד. נאמבערג און יוסף טשערניכאוו). אין יאר 1928 האט ל. רעדאגירט די „ווילנער וועגן״ (ארגאן פון דער דעמאקראטיש-פאלקיסטישער ארגאניזאציע אין ווילנע). אין דער שול-באוועגונג איז ל. געווען טעטיק אלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון דער שול-ארגאניזאציע פאר ווילנער פראווינץ (1927) און איז מיטגליד פון קאמיטעט פון צ. ב. ק. נאענטער טעכנישער מיטארבעטער פון פנקס פון „יעקאפא״.

ליובטשאנסקי יעקב. געבארן אין נאוואגרודעק אין יאר 1875. געלערנט אין חדרים, תלמוד-תורה, מירער ישיבה און קבוצים. געווען א שוחט אין איוויע, אפגעפארן קיין אדעס, וואו געווען פארטרעטער פון זינגערס מאשינעס און געפירט געשעפטן. אין יאר [illegible] אריינגעטראטן אין קרייזל „מפיצי ציונות״ (פון די ערשטע ציוניסטישע קרייזלעך אין אדעס) מיטן סטודענט שיינקין, יוסף קלויזנער א. א. אין אדעס, וואו אפגעווען 12 יאר, די גאנצע צייט געארבעט פארן ציוניזם. אין יאר [illegible] גענומען אן אנטייל אין דער באפרייאונגס-באוועגונג אין דער פארטיי ס. ס., זייענדיק איינער פון די אנפירער פון אדעסער פאראיין פון די אנגעשטעלטע אין דער פירמע זינגער אויף דרום-רוסלאנד. אין יאר 1905, נאך די פאגראמען, ארויסגעשיקט געווארן (פאר צוריידן צו שטרייקן) קיין נאוואגרודעק, וואו ער האט געעפנט א ווארשטאט און געשעפט פון מאשינעס און וואוינט ביז היינטיקן טאג.

אין נאוואגרודעק נעמט ל. דעם טעטיקסטן אנטייל אין אלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. דערנענטערט זיך צו צעירי-ציון, רעכטע פועלי-ציון. ערנאמטלעך געווען דער פארוואלטער פון מושב זקנים, בעת דער מלחמה און אקופאציע געווען פארוואלטער פון דעם אפראוויזאציע-אמט פאר דער ייד. באפעלקערונג, ביז וואנען די דייטשן האבן עס איבערגענומען. אין מיטן דער אקופאציע גרינדעט ער דעם ייד. שפיטאל פאר הונגער-קראנקע. נאכן אפטרעטן פון די דייטשן נעמט ער איבער דעם ייד. שפיטאל (הקדש) פאר טיפוס-קראנקע. אין יאר 1919 זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט „יעקאפא״ אין ווילנע און געגרינדעט פאלקס-קיכן און א קינדער-קיך. צוזאמען מיט דוד כהן און מענדל וואגער ארגאניזירט ער די וואלן פון דער ערשטער דעמאקראטישער קהילה אין נאוואגרודעק און לעבט אויף א ריי אינסטיטוציעס. פארנדיק מיט א שליחות פון נאוואגרודקער יידישן שפיטאל צום מינסקער „אזע״ אין אקטאבער 1920, האט ער געמוזט פארבלייבן 6 וואכן אין מינסק (ווייל גראד דאן זיינען די באלשעוויקעס אפגעטראטן פון נאוואגרודעק) און איז געקומען צופוס פון מינסק קיין נאוואגרודעק אין דער מהומה-צייט מיט א שיין פון „אזע״. פון יאר 1922 גרינדער און פארזיצער פון האנטווערקער-פאראיין אין נאוואגרודעק און שפעטער אויך מיטגליד פון צ. ק. פון אלפוילישן האנטווערקער-פארבאנד אין פוילן. גלייכצייטיק איז ער פארזיצער פון פארוואלטונג פון דער ייד. קאאפעראטיווער פאלקסבאנק אין נאוואגרודעק, וואו שפעטער געווארן דירעקטאר. אין די יארן 1920—1921 איינער פון די אנפירער פון דער פריער יידישער פאלקס-שול און דערנאך תרבות-שול און גרינדער פון דעם העברעאישן קינדער-גארטן אין נאוואגרודעק. פון יאר 1924 איז

ל. מיטגליד פון פּלענום פון געגנט-קאָמיטעט ״יעקאָפּאָ״, מיטגליד פון פאַרוואַלטונג פון דער צענטראַלער יידישער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק אין ווילנע און קאַנדידאַט אין ראַט פון קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד אין וואַרשע. ביי די וואַלן אין די יאָרן [illegible] און [illegible] איז ל. אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ראַטמאַן פון נאָוואָגרודקער שטאָטראַט און מיטגליד פון פינאַנס-קאָמיסיע. אין יאָר [illegible] אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון ועד הקהילה אין נאָוואָגרודעק, וואו געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים רעגולירן די אָרטיקע אָנגעווייטאָגטע רבנות-פראַגע (ז. אויבן, זייטן [illegible] — 111).

לעוואַנדע זינאַידאַ, פרוי פון ד״ר ש. לעוואַנדע (אַ זון פון אַ ווילנער געהילפס-ראַבינער און פּלימעניק פון באַוואוסטן שריפטשטעלער ל. לעוואַנדע). געבאָרן אין ווילנע אין יאָר [illegible]. געענדיקט אין ווילנע אַ רעגירונגס-גימנאַזיע און אין קיעוו אַלס צאָן-דאָקטאָר. שוין אין קיעוו ווייזט פרוי לעוואַנדע אַרויס אַ גרויסן אינטערעס פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און ווערט אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצערין פון דער הילפס-קאַסע פאַר סטודענטן. נאָך פאַר דער מלחמה אַרבעט זי אַקטיוו אַלס מיטגליד פון פאַרוואַלטונג אין געזעלשאַפט צו באַזאָרגן קינדער אויף זומער-קאָלאָניעס און אין דער צייט פון קריג אַלס באַרמהערציקע שוועסטער אין ווילנער שפּיטאָל פון ״משמרת חולים״. ווען ש. לעוואַנדע ווערט אַלס ד״ר אין יאָר 1915 מאָביליזירט, פאַרלאָזט זי ווילנע מיט דער גאַנצער משפּחה און פאָרט אַריבער קיין רוסלאַנד, וואו זי באַזעצט זיך אין מאָסקווע און באַזוכט דעם פאָלקס-אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון שאַניאַווסקי אויף דער אָפּטיילונג פון קינדער-ליטעראַטור און קינדער-דערציאונג.

אין 1918 קומט פרוי ל. צוריק קיין ווילנע, וואו זי הויבט אָן נעמען אַ נאָענטן אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, באַזונדערס אויפן געביט פון יתומים-פאַרזאָרגונג. מיט דער גרינדונג פון שטאָטישן יתומים-קאָמיטעט אין ווילנע אין יאָר [illegible] ווערט פרוי ל. אויסגעקליבן אַלס זיין פאָרזיצערין (וועלכן אַמט זי פאַרנעמט ביז אויף היינטיקן טאָג) און אַנטוויקלט אַ גרעסערע טעטיקייט. פיל מיטווירקנדיק צו זיין פאַרצווייגונג און איינשאַפונג פון אייגענע בנינים פאַר יתומים-הייזער און בורסעס. אין יאָר 1929 ווערט זי אַלס פאָרטרעטערין פון דער ווילנער שטאָטישער צענטראַלע אויסגעקליבן פאַר אַן עקזעקוטיוו-מיטגליד פון פאַרבאַנד פון צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן (וואַרשע).

לעווינסאָן אַברהם. געבאָרן אין לאָדז אין יאָר [illegible]. געלערנט אין חדר, גימנאַזיע. שטודירט מעדיצין אין לייפּציג, מאַטעמאַטיק און יוריספּרודענץ אין וואַרשע. געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט אין יאָר 1916 אין ראָסטאָוו-דאָן, וואוהין דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט איז עוואַקואירט געוואָרן. זינט 1915 — אַקטיוו טעטיק אין געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישן און ליטעראַרישן לעבן, פריער אין רוסלאַנד (כאַרקאָוו, קיעוו, ראָסטאָוו) און זייט 1920 — אין פּוילן. מיטגליד פון צ. ק. פון דער ציוניסטישער אַרבעטס-פראַקציע ״צעירי-ציון״ אויף אוקראַינע און רעדאַקטאָר (צוזאַמען מיט י. מערעמינסקי) פונם וועכנטלעכן אָרגאַן ״ערד און אַרבעט״. פאַרוואַלטונגס-מיטגליד און סעקרעטאַר פון כאַרקאָווער קהילה. מיטגליד פון נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין קיעוו. אין כאַרקאָוו אַרויסגעגעבן ״חכמי ישראל״ (העברעאיש). איבערזעצט פאַרן כאַרקאָווער קינסטלערישן יידישן טעאַטער ש. יושקעוויטשעס ״אין שטאָט״, גאַלזאַנים — ״האָטעל-ווירטין״, ראָסטאַנס — ״צוויי פּיעראָס״.

פון יאָר 1920 — טעטיק אין פּוילן. געווען מיטגליד פון איי־ראָפּעאישן וועלט-ביוראָ און צענטראַל-קאָמיטעט פון ״התאחדות״ אין פּוילן. מיטגליד פון צ. ק. פון ״תרבות״, עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן. מיטאַרבעטער אין ״לאָדזער טאָגעבלאַט״, לעמבערגער ״מאָרגן״. רעדאַגירט ״פאָלק און לאַנד״ (לאָדז — וואַרשע), ״בדרך״ (ווין), ״במעבר״ (וואַרשע). אַרויסגעגעבן די בראָשור: א. ד. גאָרדאָן (יידיש), לביסוס הציונות (העברעאיש). איבערזעצט אין העברעאיש: ״היהודים״ פון טשיריקאָוו (1907), ״יומנו של קוסטיה ריבצב״ פון אָגניעוו (192[illegible]), ״מכתבים על היהדות הישנה והחדשה״ פון פּראָפ. ש. דובנאָוו (1930), ״המבול״ פון ה. סיענקיעוויטש א. א. לעצטנס — רעדאַגירט ״דאָס שוצלאָזע קינד״, אָרגאַן פון פאַרבאַנד פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן.

אין די יאָרן 1923 — 1927 מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיטעט, 1922 — 1928 סיים-דעפּוטאַט, פון קרעמעניעצער וואַלקרייז. 1929 געוויילט אַלס וויצע-פּרעזידענט פון שטאָט בריסק, וואו זיך באַזעצט און טעטיק ביז היינט.

לעשטשינסקי יעקב. געבאָרן אין האָראָדישטש (קיעווער גוב.) אין יאָר 1876. געלערנט אין חדרים און אין דער היים. געווען פאַרטיפט אין ש״ס און פּוסקים. שפּעטער אין דער העברעאישער ליטעראַטור, געוואָרן אַן עקסטערן, שטודירט אין ציריכער אוניווערסיטעט, נאָר נישט געענדיקט, זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און אַריינגעצויגן געוואָרן אין ציוניסטישע אַרבעטער-קרייזלעך. אין יאָר 1903 זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אויפן 6-טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (פריער אויך אויפן 5-טן), וועלכער האָט באַשלאָסן צו שיקן אַן עקספּעדיציע אויסצופאָרשן אוגאַנדע (ל. איז געווען אויף דעם צד פון די טעריטאָריאַליסטן). פון יאָר 1904 — 1905 זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַ ברען אין דער פּאַרטיי-אַרבעט אַלס איינער פון די הויפּטטוער אין ס. ס. און שפּעטער ביי די ״פאַראייניקטע״ (ס. ס. און י. ס.), זיך באַטייליקט אין זייערע צוזאַמענפאָרן און אויסגאַבן. אַרויסגעלאָזן איינציקע בראָשורן: וועגן ״בונד״ ([illegible]), ״מאַרקס און קויטסקי וועגן דער יידן-פראַגע״ (רוסיש, מאָסקווע 1907), ״די גאַלוועסטאָנער עמיגראַציע און די עמיגראַציע-פּאָליטיק״ (רוסיש, קיעוו 1912). אין די לעצטע יאָרן זיך שטאַרק דערנענטערט צום ״בונד״ און דרוקט פּובליציסטישע אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער בונדישער ״פאָלקסצייטונג״, וואו זיין ברודער יוסף לעשטשינסקי (י. כמורנער), דער פאָרזיצער פון צ. ש. א. אין פּוילן (נאָך מיכאַלעוויטשעס טויט), אויך אַ געוועזענער ס. ס., איז וואָרטפירער און איינער פון די רעדאַקטאָרן.

ל. איז איינער פון די וויכטיקסטע שריפטשטעלער אין דער עקאָנאָמישער און סטאַטיסטישער ליטעראַטור אויף יידיש. איז געוואָרן אויף דעם געביט באַוואוסט שוין מיט זיינע ערשטע אַרבעטן ״די יידן אין לאָנדאָן״ און דער ״יידישער אַרבעטער״ ([illegible] — 1907), שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַ ריי ווייטערדיקע ערנסטע עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע אַרבעטן (בתוכם דעם בוך ״דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן״, בערלין 1922) און אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און אויסגאַבעס. איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די ״בלעטער פאַר יידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק״ (בערלין, 1923 — 1925) און איז רעדאַקטאָר פון די ״שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק״ (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע סעקציע, 1-טער באַנד, בערלין 1928; אין יאָר 1930 ווערט צוגעגרייט אונטער ל. רעדאַקציע דער צווייטער באַנד שריפטן), וואו צווישן אַנדערע אָפּגעדרוקט די אַרבעט ״אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק פאַר די לעצטע 100 יאָר״. איינציקע עקאָנאָ-

חיש-סטאַטיסטישע אַרבעטן פון ל. זיינען איבערזעצט אויף אייראָפּעאישע שפּראַכן.

אין די יאָרן 1913—1914 איז ל. געווען דער סעקרעטאַר פון דער יידישער סטאַטיסטישער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אונטער דער פאָרזיצערײַ פון ב. א. גאָלדבערג. סוף 1914 איז ל. אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד און אוקראַינע, וואו ביז מאַי 1917 געאַרבעט אין „אָרט“, אינסטרואירנדיק אַרבעטס-ביוראָען, מאַכנדיק עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען און פּראָפּאַגאַנדירנדיק די אידעע פון הילף דורך אַרבעט. אין יאָר 1917 געווען אויסגעוויילט אין קיעווער שטאָט-דומע און אין דער יידישע קהילה. אין יאָר 1920 געאַרבעט אין סטאַטיסטישן ביוראָ פון קיעווער שטאָט-דומע.

קומענדיק פון רוסלאַנד, האָט זיך ל. באַזעצט אין בערלין, וואו ער נעמט אַ גרויסן אָנטייל אין דעם דאָרטיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן און וויסנשאַפטלעכן לעבן. איז בערלינער קאָרעספּאָנדענט און מיטאַרבעטער פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס“, פירער פון דער צענטראַלער עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישער סעקציע (און איר וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר) מיטן זיץ-אָרט אין בערלין פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע (זיך באַטייליקט אין זיין אָרגאַניזאַציע און זיין ערשטער קאָנפערענץ אין ווילנע אין יאָר 1929, אויף וועלכער אויסגעקליבן אַלס מיטגליד פון צענטראַל-פאַרוואַלטונג), האָט געאַרבעט אין „אָזע“ און באַזונדערס אין „עמיגדירעקט“ (אויך געדרוקט אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען אין דער „יידישע עמיגראַציע“) און געווען מיטגליד פון „היצעם“. אין יאָר 1929 אַרויסגעטראָטן פון „עמיגדירעקט“ (און „היצעם“) צוליב פּרינציפּיעלע סכסוכים בנוגע דער טאַקטיק צו יק״אַ. מיטן צוועק פון עקאָנאָמישע פאָרשונגען האָט ל. די לעצטע יאָרן באַזוכט אייניקע מאָל פּוילן, אויך געווען אין ווילנע אין קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ און באַזונדערס אין דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעאָס“ ביי „יעקאָפּאָ“. האָבנדיק אַ גרעסערן אינטערעס פאַר פראַגן פון יידישער עמיגראַציע.

מאַזאָר אַברהם. געבאָרן אין יאָר 1891 אין קאַגאַרליק (אוקראַינע). זיך געלערנט אין זשיטאָמירער גימנאַזיע, געענדיקט יורי׳ אין קיעווער אוניווערסיטעט און אַלס אינזשענער אין פּאַריז.

בעת דער קיעווער אוניווערסיטעט איז געווען עוואַקואירט אין סאַראַטאָוו, האָט מ. זיך באַטייליקט אין דער הילפס-אַרבעט פאַר די היימלאָזע, זייענדיק סעקרעטאַר פון „יעסאָפּאָ“. ער גרינדעט דאָרט אויך אַ יידישע סטודענטן-קיך. די ערשטע העברעאישע סטודענטן-קורסן אין רוסלאַנד, וועלכע ער פירט אָן. שטייט בראש פון דער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע „החבר“. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש קומט ער צוריק אין קיעוו, וואו ער פירט ווייטער זיין ציוניסטישע אַרבעט.

אין יאָר 1920 געקומען קיין מאָסקווע מיט אַ וויכטיקער דערפינדונג אין דער באַנזיכערקייט, אַרבעט אַ קורצע צייט אין דער וויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג פון „נאַרקאָמפּוט“, גרינדעט און רעדאַגירט דעם וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל פאַר ערפינדונגען „איזאול“ („איזאָברעטעניאַ, אולוטשעניאַ“).

אין 1921 איז מ. געקומען קיין פּוילן, וואו ער אַרבעט פריער אַלס לערער אין סלאָנימער רעאַל-גימנאַזיע, נאָכדעם אַלס גרינדער און דירעקטאָר פון דער גראָדנער „תרבות“-גימנאַזיע. פון 1922 אַרבעט מ. אין פּינסק אַלס גרינדער און דירעקטאָר פון דער „תרבות“-גימנאַזיע, וועלכע איז די איינציקע אין פּוילן, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אַן אייגענעם גרויסן בנין. נעמט אַ גרויסן אָנטייל אין פּינסקער געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, „תרבות“, גרינדער פון „הכח“, „השומר הצעיר“, פאָלקס-אוניווערסיטעט א. אַז. וו. אַלס פאָרזיצער פון דער צענטראַלע פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּאָלעסיע פון יאָר 1922 אָן, העלפט ער פיל מיט צו דער אויפבויאונג פון אַ גרויסע זומער-קאָלאָניע אין דאָמאַשעוו, אַ בורסע אין פּינסק, וואַרשטאַטן א. א., איז מיטגליד פון דער וואָיעוואָדישער געזעלשאַפטלעכער שוץ-קאָמיסיע. מ. איז אויך מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן, פון צ. ק. פון „תרבות“ אין פּוילן, אַלפּוילישער „חברת דורשי האוניברסיטה בירושלים“, פון ציוניסטישן פּאַרטיי-פּלענום א. א.

מאירסאָן עמיל. באַוואוסטער פילאָסאָף און געוועזענער דירעקטאָר פון יק״אַ. געבאָרן אין לובלין אין יאָר 1859. זיך געלערנט אין דייטשע מיטלשולן און שטודירט די וויסנשאַפטן פון אַ הויכשול אין לייפּציגער, בערלינער, געטינגענער און היידלבערגער אוניווערסיטעטן. אָנהויב די 80-ער יאָרן קומט ער קיין פראַנקרייך, וואו ער באַזעצט זיך אויף שטענדיק, פאַרלאָזנדיק דאָס לאַנד בלויז אויף צו מאַכן עטלעכע נסיעות. לכתחילה אַרבעט ער אַלס כעמיקער אין דער לאַבאָראַטאָריע פון קאָלעזש דע פראַנס. דערנאָך טרעט ער אַריין אין דער אינדוסטריע, כדי צו פאַרדינען אויפן לעבן און גיט אָפּ די פרייע צייט אויף טעאָרעטישע שטודיעס דער עיקר איבער דער געשיכטע פון כעמיע. ווייטער איז ער אין משך פון 10 יאָר ([illegible]) רעדאַקטאָר פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק ביי דער האַוואַס-אַגענטור.

די געשיכטע פון כעמיע ברענגט מ. צו דער געשיכטע פון וויסנשאַפטן בכלל און פון דאָרט צו פילאָזאָפישע שטודיעס. ער שטודירט פילאָזאָפן און וויסנשאַפטלער אין לאַטייניש, פראַנצויזישן, דייטשן, ענגלישן און איטאַליענישן מקור, ווי אַ וואונדערבאַרער פּאָליגלאָט. אין יאָר 1908 גיט אַרויס זיין קאַפּיטאַלע ווערק „אידענטישקייט און רעאַליטעט“, אין יאָר 1921 צוויי בענדער „וועגן ערקלערונגען אין פילאָזאָפיע“ און אין 1925 „די רעלאַטיוויסטישע דעדוקציע“. פאַר זיינע ווערק, וואָס זיינען געשריבן אויף פראַנצויזיש און פאַרעפנטלעכט אין פראַנקרייך, שטעלן די פראַנצויזישע געלערנטע אוועק מאירסאָנען אין איין ריי מיט די פראַנצויזישע פילאָזאָפן פון דער וויסנשאַפט נאָך ראָלאַמבערן, לאַזאַר קאַרנאָ, אַמפּער, אויגוסט קאָנט, קורנאָ, רענואוויע און פאַררעכענען אים אין דער ערשטער ריי פון די מאָדערנע דענקער. דעם 27-טן נאָוועמבער 1926 ווערט מ. נאָמינירט פאַר אַ מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע פאַר מאָראַלע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן. מ. פאַרנעמט זיך דערהויפּט דערמיט, וואָס מען רופט היינט „עפּיסטעמאָלאָגיע“, ד. ה. סיסטעמאַטישע חקירה פון דער וויסנשאַפט און וויסנשאַפטן. אַ באַגייסטערטער אַרטיקל וועגן מ. איז לעצטנס אָפּגעדרוקט אין „לאָרום מענסועל“ (נומ׳ 251, פּאַריז, אַפּריל 1928). פּראָפ. א. ראָבאַק פון אַמעריקע אין זיין ווערק „די יידישע השפעה אין מאָדערנעם געדאַנק“ (ענגליש,

קעמברידזש מאס. 1929) ווייזט אן אויף דעם ארטיקל אלס באווייז, ווי ווייט די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטן און ביאגראפן האבן אנעקסירט די באריטמסטע יידישע דענקער, וויסנשאפטלער, מוזיקער א. אז. וו. ער ברענגט א ביישפיל (אין קאפיטל „קולטורעלער פאגראם“) פון דעם אנגערופענעם „לארוס מענסועל“. וואו „דער באריטמער דענקער און געלענטער עמיל מאירסאן, אן עמיגראנט פון פוילישן געטא, ווערט באשריבן אלס „פילאזאף“, וואס האט זיך באנוצט מיט דער פראנצויזישער שפראך“.

אין יאר 1898 איז מ. אנגעקומען אין יק״א, וואו ער איז שפעטער געווארן דירעקטאר, דערנאך הויפט-דירעקטאר און וואו ער איז געווען טעטיק ביז 1924. אפארבעטנדיק אין יק״א 26 יאר, האט מ. פארלאזן די געזעלשאפטלעכע טעטיקייט און גיט זיך אפ אין זיין וואוינונג אין פאריז מיט זיינע וויסנשאפטלעכע ווערק.

דער נאמען פון מ. איז ענג פארבונדן מיט דער אויפבוי-טעטיקייט פון „יעקאפא“ אין ווילנע. אין יאר 1921 האט מ. באזוכט ווילנע מיט דעם ספעציעלן צוועק אונטערצוהאנדלען מיט „יעקאפא“ וועגן דער אויפבויאונג פון די חרוב-געווארענע פון דער מלחמה הייזער, וואס האט אויך געבראכט צו דעם געווינטשטן ערפאלג און געלייגט דעם יסוד פאר דער דאזיקער וויכטיקער אקציע (ז. אויבן זייטן 139—141, 146, 161—165, 179). צוזאמען מיט א באפולמעכטיקטן פון „יעקאפא“ האט מ. דאן אויך באזוכט סמארגאן, כדי צו באקענען זיך מיט די חורבנות פון דער מלחמה און מיט דעם כאראקטער פון דער אויפבויאונג אויף אן ארט. מ. האט ארויסגעוויזן א גרויסע פארשטענדעניש פאר דער זאך און א הויכע הומאניטארע באציאונג צו די צוועקן פון דער אקציע. אין די געשפרעכן האט ער זיך באנוצט מיט רוסיש און פויליש און האט אויך ארויסגעוויזן א קענטעניש פון יידיש, דורכווארפנדיק ניט איין יידישן וויץ און יידישע פאלקסווערטלעך, וועלכע ער האט נאך אזוי פיל יארן גוט געדענקט פון זיין יידיש-פוילישער היים-שטאט.

מוקאציי משה. געבארן אין יאר 1892 אין ליאכאוויטש (בארנאוויטשער פאוויאט). די קינדער-יארן פארבראכט אין אדעס. דארט אויך באקומען די ערשטע בילדונג אין א רעגירונגס-שול פאר יידישע קינדער, ווי אויך אין א חדר. דערנאך זיך געלערנט אינדערהיים. סוף 1905 נאכן פאגראם פארלאזן אדעס און געוואנדערט אין פארשיידענע שטעט אין ליטע. אין 1906 אנגעקומען אין ביאליסטאק. אין 1909 אריינגעפארן אין בארנאוויטש. אין 1915 בעת דעם וועלט-קריג אריינגעצויגן אין מיליטער און אין איינעקע וואכן ארום אפגעשיקט געווארן אויף די פאדערשטע פאזיציעס. אנטיילגענומען אין פארשיידענע שלאכטן אויפן דייטשן און עסטרייכישן פראנט. אויסגעשפאנען ניט ווייניק נגישות אלס ייד. נאך דער אקטאבער-איבערקערעניש, ווען דאס מיליטער ווערט פונאנדערגעלאזט, פארבליבן א שטיק צייט אין וואלאזשין, ניט קאנענדיק קומען א היים. מיט גרויסע שוועריקייטן אנגעקומען אין באראנאוויטש, וואו עס זיינען נאך געווען די דייטשן, און נאך באוויזן אריינצוכאפן ביי זיי צוואנגס-ארבעט.

אין 1919, ווען עס ווערט מיט דער דערלויבעניש פון דער מיליטערישער מאכט געשאפן אין באראנאוויטש א צייטווייליקע קהילה, אריינגעטראטן אין איר און אקטיוו געארבעט. אין 1920, ווען עס ווערן דורכגעפירט דעמאקראטישע וואלן צו דער קהילה, אויסגעקליבן אלס ראטמאן פון דער ליסטע „צעירי-ציון“. שפעטער אויסגעקליבן אין פארוואלטונג, וואו אקטיוו געארבעט ביזן יאר 1928, ביז צו די וואלן פון דער נייער קהילה. אינצווישן געווען א מיטגליד פון דער צענטראלע פאר מעדיצינישער פארזארגונג און פאר יתומים-פארזארגונג אין ביאליסטאקער ראיאן. אין 1926 אויסגעקליבן פון דער ליסטע רעכטע „פועלי-ציון“ אלס ראטמאן אין בארנאוויטשער שטאטראט. אין 1929 ווידער אויסגעקליבן אלס ראטמאן. מ. איז מיטגליד פון פארוואלטונג פון דער פאלקס-באנק אין באראנאוויטש, זינט איר גרינדונג. אקטיוו פארטראטן אין א ריי געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע ארגאניזאציעס ווי שול, ביבליאטעק, „טאז“, „ארט“ א. אז. וו. אין 1928 אויסגעקליבן אין פארוואלטונג פון דער צענטראלער יידישער פאלקס-באנק אין ווילנע און איז מיטגליד פון ראט פון קאאפעראטיוון פארבאנד אין ווארשע. פון יאר 1929 איז מ. לאווניק אין בארנאוויטשער מאגיסטראט (אויסגעקליבן דורך א הסכם פון דער מערהייט פון די יידישע ראטמענער). פון יאר 1921 ביז אויף היינטיקן טאג איז מ. פארטרעטער פון „יעקאפא“ פאר דער יתומים-ארבעט אין בארנאוויטשער קרייז.

מעכאניק יוסף. געבארן אין אסטרין (ניט ווייט פון גראדנע) אין יאר 1882. געלערנט אין חדרים, ישיבות און געענדיקט א רוסיש-יידישע פאלקסשול. פארנומען זיך מיט לערעריי. געווען א מאנופאקטור-קרעמער.

פון יאר 1900 זיך באזעצט אין זשעלודאק, וואו אין יאר 1908 געגרינדעט די יידישע ליי- און שפאר-קאסע. אין יאר 1920 געגרינדעט די באנק (וועלכע איז חרוב געווארן אין דער צייט פון מלחמה) פון דאס ניי און פון דאן אן ביז אויף היינטיקן טאג איז מ. פארזיצער פון איר פארוואלטונג.

פון יאר 1921 מיט דער גרינדונג פון דער צענטראלער קאאפעראטיווער פאלקסבאנק אין ווילנע איז מ. מיטגליד פון איר פארוואלטונג ביז איצט און פון יאר 1923 מיט דער גרינדונג פון דער ווילנער עקספאזיטור פון ייד. קאאפעראטיוון פארבאנד אין פוילן איז מ. אינספעקטאר פון די פאלקסבענק אין ווילנער ראיאן.

מ. האט זיך באטייליקט אלס דעלעגאט פון זשעלודאק אויף אלע דריי געגנט-קאנפערענצן פון „יעקאפא“ אין ווילנע אין די יארן 1919, 1922 און 1921 און גענומען אנטייל אין פארשיידענע ארבעטן און אויפטראגן פון קאמיטעט „יעקאפא“ און פון „יעאס“ אין ווילנע.

נײשטאט לייב. געבארן אין גארקי (מאהילעווער גוב.) אין יאר 1885. באקומען א פעדאגאגישע בילדונג און געווען א לערער אין מיטל- און אנפאנגס-שולן. אין די יארן 1907—1908 גענומען אן אנטייל ביים שאפן די ערשטע שבת-שולע און שפעטער אוונט-קורסן פאר דערוואקסענע (אויף יידיש) אין ווארשע. געווען א פארוואלטונגס-מיטגליד און נאכדעם א פארזיצער פון יידישן לערער-פאראיין אין ווארשע און אין נאמען פון פאראיין אינטערוועניר אין יאר 1909—1910 ביי דער רוסישער שול-מאכט וועגן איינפירן קאניקול אין די חדרים און פריוואטע אנפאנגס-שולן. אין יאר 1914 גרינדער פון פראפעסיאנעלן פאראיין פון די ווארשעווער

קהילה-אנגעשטעלטע, וואו אויך געווען פארזיצער (נ. איז אליין צען יאר געווען א אנגעשטעלטער פון ווארשעווער קהילה), האט מיטגעהאלפן גרינדן דעם ערשטן פארלאג („שול-בוך“) אויף ארויסצוגעבן שול-ביכער פאר די יידישע שולן אין ווארשע און געווען פארוואלטונגס-מיטגליד פון דינעזאן-קאמיטעט. אין דער צייט פון אקופאציע דערלאנגט דער דייטשער מאכט א גענויעם מעמאראנדום וועגן יידישן שול-וועזן מיט דער יידישער אונטערריכטס-שפראך. אין יאר 1919 געווען דעלעגאט צום ערשטן און צווייטן אלגעמיינעם ארבעטער-ראט אין ווארשע, געארבעט אין אלגעמיינעם ארבעטער קולטור-אמט, זיך באטייליקט אין צוזאמענפאר פון די ראטמענער פון „בונד“ אלס ערשטער קאנדידאט צום ווארשעווער שטאט-ראט אין יאר 1925.

פון יאר 1920 האט נ. אנגעהויבן צו ארבעטן אין ד. ד. ק. אלס פארוואלטער פון דער אפטיילונג פאר קינדער-פארזארגונג אויף וואלין אין ראוונע. פון יאר 1921 אין דער הויפט-ביורא פון „דזשוינט“ אין ווארשע פאר דערזעלבער ארבעט אויף גאנץ פוילן. מיט דער גרינדונג פון פארבאנד פון די צענטראלעס פאר יתומים-פארזארגונג אין פוילן אין יאר 1923 איז נ. מיטגליד פון עקזעקוטיווע און פרעזידיום פון פארבאנד און גלייכצייטיק פארטרעטער פון ד. ד. ק. פאר יתומים-ארבעט אין פוילן ביז אויפן היינטיקן טאג.

סטאראבין אברהם. געבארן אין יאר [illegible] אין ראקאוו. איז דארט אפטייקער פון יאר 1911. האט אנטוויקלט אין ראקאוו

א גרויסע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. איז דער גרינדער און ערן-פארזיצער פון דער דארטיקער ביבליאטעק, איינער פון די גרינדער און פארזיצער פון דער קאאפעראטיווער פאלקסבאנק, גרינדער און ערן-פארזיצער פון דער גמילות-חסדים-קאסע, ראטמאן פון קהילה. האט אין יאר 1918 ארגאניזירט א קאמיטעט צו העלפן די היימלאזע, ארויסגעטריבענע דורך דער צארישער מאכט פון די מערב-געביטן פון אמאליקן רוסלאנד, וועלכע האבן זיך אנגעקליבן אין ראקאוו אין א צאל פון 200. דער קאמיטעט האט אין משך פון אנדערטהאלבן יאר געפירט די הילפס-אקציע (און קיין שום אויסערלעכער אונטערשטיצונג), וואס האט אפגעראטעוועט די היימלאזע פון אונטערגאנג און זיי געגעבן די מעגלעכקייט שפעטער צו דערווארטן זיך ווייטערדיקע הילף, טוואקואירן און איינארדענען זיך.

א באזונדערס ענערגישע טעטיקייט אנטוויקלט ס. אויך אויפן געביט פון פארזארגן די יתומים. ער איז פארזיצער פון ראקאווער יתומים-קאמיטעט און האט פיל אויפגעטאן אין הינזיכט פון איינארדענען די קינדער ביי א פאך, שטייענדיק ביי דער דאזיקער ארבעט אין א נאענטן קאנטאקט מיטן קאמיטעט „יעקאפא“ אין ווילנע.

סעגאל בערנארד (באלעסלאוו). געבארן אין יאר 1888 אין גראבין (קורלאנד). די קינדער- און יוגנט-יארן פארבראכט אין ווארשע, וואו ער האט באזוכט א גימנאזיע, איז דערנאך אוועקגעפארן קיין פעטערבורג, אויסגעהאלטן אלס עקסטערן און אנגעקומען פאר א צוהערער פון די העכערע אגראנאמישע קורסן.

אין יאר 1919 איז ס. געקומען קיין ווילנע, וואו ער האט אויף דער איינלאדונג פון ד״ר א. מאקאווער ז״ל, וועלכער איז געווען א נאענטער פריינד פון דער פאמיליע סעגאל, אנגעהויבן צו ארבעטן אין דער גרויסער יורידישער הילפס-קאמיסיע וועגן די ארעסטירטע (וועלכע איז דאן אנטשטאנען ביים קאמיטעט „יעקאפא“) דערהויפט אין די באציאונגען מיט דער פוילישער מאכט. ס. האט דאן אויך איבערגעזעצט דעם באוואוסטן מעמאראנדום וועגן די בלוטיקע אפריל-געשעענישן. ווען די קאמיסיע איז זומער 1919 פון „יעקאפא“ טיילווייז ליקווידירט געווארן, איז ס. אריבער אין דער ווילנער קהילה, וואו ער האט צוזאמען מיטן אדוואקאט ע. סמילג ארגאניזירט די יורידישע אפטיילונג, וועלכע האט עקסיסטירט ביז זומער 1920. ס. האט פערזענלעך פיל אינטערווענירט ביי דער ציווילער און מיליטערישער מאכט אין ווילנע, ניט זעלטן צו עטלעכע מאל א טאג און האט אין א ריי פאלן פארהאלטן דאס ארויסשיקן די ארעסטירטע אין די קאנצענטראציאנס-לאגערן. אלס באפולמעכטיקטער פון פרעזידיום פון קהילה איז ס. דאן אויך געווען דער נאענטסטער מיטארבעטער פון הרב רובינשטיין אין די צאלרייכע אינטערווענץ-ענינים. אין אויגוסט 1920, ווען אין ווילנע זיינען געווען די ליטווינער, האט „יעקאפא“ דעלעגירט ס. אין דער אפטיילונג פאר סאציאלע פארזארגונג, וועלכע האט דאן געהאט א גרויסע ארבעט, ווייל די גאנצע כוואליע היימלאזע איז געגאנגען דורך ווילנע. ווען דעם 9 אקטאבער 1920 זיינען אריין אין ווילנע די חיילות פון גענעראל זשעליגאווסקי און ס'האט זיך אנגעהויבן דער פעריאד פון אזויגערופענער מיטל-ליטע איז ס. נאמינירט געווארן פאר א סעקרעטאר פון דער אויספארשונגס-קאמיסיע ביי דער צייטווייליקער רעגירונג. די דאזיקע קאמיסיע האט זיך געפונען ביים יוסטיץ-דעפארטאמענט און האט געהאט דעם צוועק אויסצופארשן די עקסצעסן בנוגע דער יידישער באפעלקערונג. אין איר זיינען אויך געווען מיטגלידער הרב י. רובינשטיין און אדוו. איסידאר גארדאן ז״ל. גלייכצייטיק מיטן ערפילן די פונקציעס פון א סעקרעטאר אין דער אנגערופענער קאמיסיע איז ס. געווען א פארוואלטער פון דער היימלאזע-אפטיילונג פון „יעקאפא“.

אין יענער צייט האט זיך די מאכט געווענדעט צו דער יידישער קהילה מיט א פארשלאג צו דעלעגירן א יידן אויפן פאסטן פון א געהילף-קאמענדאנט פון דער פאליציי אין ווילנע און אויף דעם דאזיקן פאסטן איז דעלעגירט געווארן סעגאל, וועלכער האט פארנומען דעם אמט פון 25 אקטאבער 1920 און פון 10 יאנואר ביזן 7 מערץ 1921 האט ס. אויך ערפילט די פליכטן פון א קאמענדאנט פון דער פאליציי אין ווילנע *). און היות ווי דאן האט נאך ניט עקסיסטירט קיין אמט פון א שטאטישן סטאראסטע, האט ס. ערפילט די דאזיקע פונקציעס, זייענדיק דער פאקטישער נאטשעלניק פון שטאט ווילנע. דעם 25 יולי 1921

---

*) ס'איז אינטערעסאנט צו ברענגען דעם דאקומענט וועגן דער דאזיקער נאמינאציע, וועלכער איז (פארקירצט) פאלגענדער:

R O Z K A Z

Naczelnika Wydziału Bezpieczeństwa Publicznego Departamentu Spraw Wewnętrznych.

Nr. 12

Dnia 10 Stycznia 1921 roku

1. Komendant Policji Miejskiej P. Piotraszkiewicz przystąpi natychmiast po otrzymaniu niniejszego rozporządzenia do oddania osobiście zastępcy swemu P. Segalowi obowiązku Komendanta Policji miasta Wilna.

2. Od dnia dzisiejszego wszystkie rozporządzenia wewnętrzne w Komendanturze policji i zewnętrzne w Komisarjatach należą do obowiązku p. Segala.

(—) Linowski
Pułkownik i Naczelnik Wydziału.

האָט זיך ס. אָנגעגעבן אין דעמיסיע. באַקו־מענדיק אַ דאַנק פאַר דער אַרבעט און פאַר דעם „אַרויסגעוויזענעם הויכן בירגערלעכן געפיל".

ס. האָט צום דריטן מאָל אָנגענומען אַרבעט אין „יעקאָפּאָ", וואו ער איז געווען סעלעגירטער אין דער אויפבוי־אָפּטיילונג און דערנאָך ווידער אין דער היימלאָזע־אָפּטיילונג.

אָנהויבנדיק פון יאָר 1922 האָט זיך ס. אָפּגעגעבן דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט אַלס לערער (אויף פּויליש, איז אויך געווען אויף דעם געביט שטאַרק געזעלשאַפטלעך), מיט וועלכער ער פאַרנעמט זיך ביז אויף הייניקן טאָג.

סענאַטאָר ווערנער ד"ר. געבאָרן אין בערלין אין יאָר 1896. געענדיקט אוניווערסיטעט אַלס עקאָנאָמיסט, אויך שטודירט יוריספּרודענץ און לאַנדווירטשאַפט. דריי אַ האַלב יאָר געווען אויף דער וועלט־מלחמה.

פון יאָר 1914 געהערט צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג (ציוניזם) אין דייטשלאַנד און איז אָנהענגער פון „אחדות העבודה". נאָכן סוף פון דער מלחמה אין יאָר 1918 אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך מיט סאָציאַלער אַרבעט צוערשט אין בערלין צווישן די מזרח־יידן, ספּעציעל אויפן געביט פון אַרבעטס־נאָכווייז און פּריוואַטער פאַרזאָרגונג. אין יאָר 1920 געאַרבעט צום אָנהויב אַלס צווייטער סעקרעטאַר און דאַן אַלס פאַרוואַלטער פון אַרבעטער־פירזאָרגע־אַמט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק פון פּאָליטישן שוץ, סאָציאַלער הילף און עקאָנאָמישער אָרגאַניזירונג פון די מזרח־יידישע היימלאָזע אין בערלין.

אין הערבסט 1921 איז ס. געוואָרן געהילף־דירעקטאָר פון היימלאָזע־דעפּאַרטאַמענט פון דעם אַמעריקאַנער „דזשוינט דיסטריבושן קאָמיטעט" (ד. ד. ק.) אויף אייראָפּע און האָט זיך באַזונדערס באַשעפטיקט מיט דער פּראָדוקטיווער הילף פאַר די היימלאָזע. זומער 1923 איז ס. צוליב עטלעכע פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אַרויסגעטראָטן פון „דזשוינט". האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיינע פּריוואַטע שטודיעס און האָט זיך צוגעגרייט פאַר אַרבעטן אין פּאַלעסטינע. אין יאָר 1921 קומט ס. קיין ארץ־ישראל, וואו ער טרעט אַריין אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם אַרבעטער קאָנסום־ און פאַרקויפס־קאָאָפּעראַטיוו „המשביר" און אַרבעט דאָרט ביז מאַי 1925, ווען ער ווערט צוריק אַרויסגערופן קיין בערלין און פון סעפּטעמבער 1925 ביז סעפּטעמבער 1926 אַרבעט ער ווידער אין דעם היימלאָזע־דעפּאַרטאַמענט פון ד. ד. ק., אַלס פאַרוואַלטער.

פון 1926 ווערט ס. גענעראַל־סעקרעטאַר פון „דזשוינט" אויף אייראָפּע און נאָענטער מיטאַרבעטער אין דער „פאַונדיישן" ספּעציעל פאַר פּוילן. דעם דאָזיקן אַמט פאַרנעמט ס. ביז פעברואַר 1930, ווען ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס פינאַנסיעלער פאַרוואַלטער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ירושלים און איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער אַגענטור עקזעקוטיווע מצד דער יידישער אַגענץ. ס. האָט אָנגענומען דעם אַמט און אין פרילינג 1930 זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל.

ח. האָט פיל מאָל באַזוכט פּוילן וואיז אויך געווען עטלעכע מאָל אין ווילנע) און האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דער ייד. הילפס־טעטיקייט אין פּוילן בכלל און דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג בפרט. האָט זיך נאָענטער צונויפגעלעבט מיט דער אַרבעט און טוער און האָט זיך אויסגעלערנט גוט יידיש, נעמענדיק אַ טעטיקן אָנטייל אין די צוזאַמענפאָרן, באַראַטונגען און זיצונגען פון די אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. מיטן געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע איז ס. געשטאַנען אין אַ פאַרבינדונג אין משך פון עטלעכע יאָר און האָט מיטגעווירקט צו אַ ריי פון זיינע הילף־ און אויפבוי־אַקציעס.

עליאַשבערג גרשון. געבאָרן אין יאָר 1876 אין נאָוואָגרודעק. שטאַמט פון דער דאָרטיקער באַקאַנטער משפחה הרכבי. געלערנט אין חדר, געענדיקט די שטאָטישע פאָלקסשול, געווען אַן עקסטערן, אַפּטייקשילער אין דווינסק (זיין פאָטער איז אויך געווען אַ דראָגיסט), אויסגעהאַלטן עקזאַמען אַלס געהילפס־פּראָוויזאָר אין דער מילטעריש־מעדיצינישער אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג און באַקומען אין יאָר 1900 דעם טיטל פּראָוויזאָר אין יוריעווער אוניווערסיטעט. אַלס אַפּטייקער געאַרבעט אין פּעטערבורג, נאָוואָגראָדער און פּסקאָווער גוב. אין יאָר 1912 געוואָרן פאַרוואַלטער פון דער אַפּטייק אין קאָרעליטש (ניט ווייט פון נאָוואָגרודעק). דער אינהאָבער פון וועלכער איז געווען אברהם אַבראַמאָוויטש (פּלימעניק פון מענדעלי מוכר ספרים, וואוינט איצט אין מיכײַלישעק ווילנער געגנט). אין יאָר 1915 האָט זיך ע. עוואַקואירט אין פּעטערבורג און פון דאָרט אין נידער־אוראַלסק. אין יאָר 1919 האָט ער באַזוכט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון סאַראַטאָווער אוניווערסיטעט. אין יאָר 1921 זיך אומגעקערט צוריק אין קאָרעליטש, וואו ער איז אַפּטייקער ביז אויף הייניקן טאָג.

מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט זיך ע. פאַרנומען נאָך פון די יונגע יאָרן אָן. אין נאָוואָגרודעק איז ער געווען טעטיק אין „שוקדי מלאכה", אין דווינסק האָט ער מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן אויסערשולבילדונג־קרייזן פאַר דער דאָרטיקער יוגנט. אין פּסקאָווער גוב. איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן, וואו ער איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד. אין נידער־אוראַלסק איז ער געווען דער פאָרזיצער פון פאַרמאַצעווטן און פון פאַראיין פון די אַפּטייק־אָנגעשטעלטע.

אומקערנדיק זיך אין קאָרעליטש, האָט ע. אָפּגעגעבן זייער פיל ענערגיע און צייט אויפצוריכטן די חרוב־געוואָרענע פון דער מלחמה שטעטל. ע. האָט זיך גלייך געשטעלט אין אַ פאַרבינדונג מיט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע און איז פון דאַן אָן ביז איצט פון זיינע נאָענטסטע ערנאַמטלעכע מיטאַרבעטער אין דער פאַרוואַלטונג פון קאָרעליטש אויף דער צווייטער און דריטער געגנט־קאָנפערענצן פון „יעקאָפּאָ" און איז מיטגליד פון זיין פּלענום. אין קאָרעליטש האָט ע. געשאַפן און איז פאָרזיצער פון אַלע דאָרטיקע אינסטיטוציעס, ווי קאָאָפּ. פאָלקסבאַנק, אויפבוי־קאָמיסיע, קהילה, גמ"ח א. א. ע. איז אויך אַ מיטגליד פון קרייז־סיימיק און איז געאַכטעט ביי דער יידישער און ניט־יידישער באַפעלקערונג פון געגנט.

עלקין מענדל. געבאָרן אין יאָר 1874 אין דאָרף בראָזשע ביי באָברויסק, וואו שפּעטער זיך באַזעצט. געלערנט ביי מלמדים אינדערהיים און אין אַ ישיבה, געווען אַן עקסטערן, געענדיקט אַלס צאָן־דאָקטאָר. געשריבן אין דער פּראָווינציעלער פּרעסע. זיך פאַרנומען מיט געשעפטן און געוואָרן אַ וואַלד־סוחר. אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור און קונסט האָט זיך

ע. שטאַרק באַפריינדעט מיט אַ ריי יידישע שרייבער, איז געווען אַן אינטימער פריינד פון א. ווייטער ז״ל און פון פרץ הירשביין, וועלכע פלעגן ביי אים אָפט זיין צו גאַסט. האָט אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג „חוחם" הירשביינס אַ פאָר ווערק, אַ צענדליק יאָר געשפילט טעאַטער, געווען רעזשיסער אין קיעוו א. א., זיך באַטייליקט אין יידישן קאַמער-טעאַטער אין פעטערבורג, וואו זיך באַזעצט. אין יאָר 1915 געווען באַשעפטיקט אין אַ וואַלד-קאָנצעסיע אין סיביר.

ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן בעת מלחמה די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע אין יאָר 1917 איז ע. געווען אויפן רוסישן מערב-פראָנט אַלס סאָלדאַט. איז אינגיכן באַפרייט און אויסגעוויילט געוואָרן אין באָברויסקער ראַט פון די אַרבעטער-דעפוטאַטן, וואו ער איז פאַרבליבן ביז יוני 1917. זיך אומגעקערט קיין פעטערבורג, וואו ער איז געווען פאַרוואַלטער פון דער צייטונג „פאָלקסבלאַט". נאָך דער צווייטער רעוואָלוציע צוליב הונגער פאַרלאָזן פעטערבורג און אַוועק צוריק קיין באָברויסק, וואו ער האָט געאַרבעט אין בילדונגס-קאָמיסאַריאַט אַלס פאַרוואַלטער פון קונסט-אָפטיילונג.

אין יאָר 1919 איז ע. געקומען קיין ווילנע, וואו אינגיכן געוואָרן צייטווייליקער פאַרוואַלטער פון די פראָדוציר-קאָאָפעראַציוון (פאַרבייטנדיק זיין שוואָגער אינזש. י. אַקון) און האָט פיל פאַר זיי אויפגעטאָן. גלייכצייטיק האָט ע. געאַרבעט אין „יעקאָפאָ" אַלס קאָנטראָליאָר איבער די אַנשטאַלטן און אין יאָר 1921 אַ געוויסע צייט אַלס באַפולמעכטיקטער פאַר אויפבוי-ענינים.

ע. האָט אין ווילנע אַנטוויקלט אַ באַדייטנדע קולטור-טעטיקייט. געווען נאָענטער טוער, איינצייטיק אויך רעזשיסער און פאַרוואַלטער פון דער יידישער טעאַטער-געזעלשאַפט, וועלכע האָט מיט גרויס ערפאָלג דורכגעפירט אַ ריי יידיש-קינסטלערישע פאַרשטעלונגען אין ווילנער שטאָט-טעאַטער (די אַרטיסטן זיינען געווען זשעלאַזאָ, עלתית, אורא א. א., שפעטער אויך א. מאַרעווסקי, אַ געוויסע צייט איז געווען רעזשיסער דוד הערמאַן), האָט געהאַלטן פאָרטראָגן, איבערזעצט איניקע דראַמאַטישע ווערק (פאַרלאַג פון ב. קלעצקין), געדרוקט אַרטיקלען, אין יאָר 1920 ווידער מאָביליזירט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר פאַר קונסט-ענינים.

אין יאָר 1923 האָט ע. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק און פירט ווייטער זיין קינסטלערישע און געזעלשאַפטלעך-קולטורעלע טעטיקייט. צוזאַמען מיט ש. ניגער און ד״ר א. מוקדוני רעדאַקטירט דעם „טעאַלים" (אַרויסגעגעבן פון דער יידישער טעאַטער-געזעלשאַפט, ניו-יאָרק 1923—1924), אויפגעפירט טעאַטער-פאַרשטעלונגען, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, איז באַטייליקט אין דער יידישער קולטור-געזעלשאַפט, וואָס האָט דעם 29-טן מערץ 1930 אָפגעהאַלטן איר ערשטן גרויסן צוזאַמענפאָר אין ניו-יאָרק און פראָקלאַמירט שאַפונג און טעטיקייט אויף יידיש. אין יאָר 1930 פריוואַט באַשעפטיקט מיט אַ פענסיאָן אויף זומער-וואוינונגען.

עפרויקין ישראל. געבאָרן אין יאָר 1881 אין וועקשנע (קאָוונער גוב.). געלערנט אין חדר און ישיבה, אָבער גלייכצייטיק אויך באַקומען אַ וועלטלעכע דערציאונג. שטודירט יורי און עקאָנאָמיק אין בערנער אוניווערסיטעט. פון יאָר 1901 גענומען אַ נאָענטן אַנטייל אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צוערשט אַלס מיטגליד פון דער גרופע „וואָזראָזשדעניע", דערנאָך אַלס פאַרטיי-טוער פון די סיימאָוועצעס (י. ס.), נאָך דער רעוואָלוציע אין יאָר 1917 איינער פון די גרינדער פון דער יידישער פאָלקס-פאַרטיי אין רוסלאַנד. האָט פיל געשריבן אין די פאַרטיי-אָרגאַנען, געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אין אַ ריי באַוואוסטע זשורנאַלן און וואָכנבלעטער (ד״ר זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן", פעטערבורגער „יידישע וועלט", ווילנער „וואָך"; „נאָווי וואָסכאָד", „יעווריייסקי מיר" א. א.) און איז געווען גוט באַקאַנט אַלס פובליציסט אונטערן פסעוודאָנים י. עפרען.

אין די יאָרן 1911—1917 האָט ע. געאַרבעט אין דער קאָאָפעראַטיווער אָפטיילונג פון יק״א אין פעטערבורג. אין 1914—1915 געווען דירעקטאָר פון דער ווילנער אָפטיילונג פון דעם באַנק-הויז וואַרשאַווסקי און קאָ. (אונטער דער דאָזיקער פירמע האָט אָפיציעל פיגורירט די קרעדיט-אָפטיילונג פון דער יק״א), וועלכער האָט באַדינט די יידישע קאָאָפעראַטיווע אינסטיטוציעס אין די אַמאָליקע רוסישע גובערניעס פון דעם אַזויגערופענעם צפון-מערב קאַנט (ווילנער, קאָוונער, גראָדנער, מינסקער, וויטעבסקער און מאָהילעווער). אין יאָר 1917 אויסגעקליבן געוואָרן אויפן אַלגעמיינעם יידישן צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע אין פרעזידיום פון צענטראַל-קאָמיטעט (וועד) פון די יידישע קהילות אין רוסלאַנד (צע-וועד), וואו געאַרבעט ביז מאַי 1918, ווען דער צע-וועד איז פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער ראַטן-מאַכט.

סוף 1919 איז ע. צוזאַמען מיט ה. ב. שלאָסבערג און ל. מ. בראַמסאָן דעלעגירט געוואָרן פון פאַראייניקטן קאָמיטעט פון פעטראָגראַדער „יעקאָפאָ", „אָרט" און „אָזע" קיין אויסלאַנד מיטן צוועק צו באַקאַנען די דאָרטיקע גרויסע אָרגאַניזאַציעס מיט די נויטן פון רוסישן יידנטום און מיט דער באַטרעפנדער הילפס-אַקציע. אין יענער צייט, אָנהויב פעברואַר 1920, איז ע. צוזאַמען מיט מ. א. מאַדעל, דעם סעקרעטאַר פון פעטערבורגער „יעקאָפאָ", אויך געווען אין ווילנע און געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן דער הילפס-אַקציע מיטן געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפאָ" אין ווילנע. אין יאָר 1920 בעת דער גרינדונג פון דער יידישער וועלט-הילף-קאָנפערענץ איז ע. אויסגעקליבן געוואָרן אַלס איר גענעראַל-סעקרעטאַר. האָט זיך באַזעצט אין פאַריז און האָט פאַרנומען דעם פאָסטן ביז 1925, ווען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז ליקווידירט געוואָרן. אין 1925 איז ע. אויסגעקליבן געוואָרן פון „עמיגדירעקט" אַלס איינער פון די דירעקטאָרן (די איבעריקע צוויי זיינען געווען ד״ר בערנאַרד כהן פון „דזשוינט" און עדואַרד אונגער פון יק״א) פון דעם „יונייטעד עוואַקואיישן קאָמיטי" (פאַראייניקטער עוואַקואַציע-קאָמיטעט) אין פאַריז, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו ליקווידירן דאָס פראָבלעם פון די היימלאָזע, וועלכע זיינען געבליבן שטעקן אין פאַרשיידענע שטעט און האַפנס צוליב די איינוואַנדערונגס-באַגרענצונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע (ז. אויבן זייט 714). אין יאָר 1928 איז ע. אויף דער קאָנפערענץ פון יידישע דעפוטאַטן פון פאַרשיידענע לענדער און פון אַ ריי יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ציריך, אויסגעקליבן געוואָרן אין עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון „ראַט פאַר די רעכט פון די יידישע מינדערהייטן" (קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס).

אונטער דעם פארזיץ פון לעא מאצקין) מיטן זיץ-ארט אין פאריז און אין וועמענס ארבעט ער באטייליקט זיך נאך ביז איצט. ע. נעמט אויך אן אקטיוון אנטייל אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין פאריז און אין זיינע אקציעס פאר די קולטורעלע באדערפענישן פון צענטראלע יידישע ארגאניזאציעס אין פוילן און אויסלאנד. פריוואט איז ע. באשעפטיקט אלס דירעקטאר פון א גרעסערער אונטערנעמונג פאר שיף- און טראנספארט-ענינים אין פאריז.

פאדלישעווסקי אברהם. ז. ווייטער.

פינקעלשטיין עוזר, אדוו. געבארן אין קאוונע אין יאר 1863. צו פיר יאר אריבערגעפארן מיט דער פאמיליע קיין ארענבורג (אויפן אוראל, מזרח-רוסלאנד), וואו זיין פאטער איז געווארן רב און שפעטער צוליב בילדן די קינדער א געשעפטסמאן. צו עלף יאר אנגעקומען אין ארענבורגער גימנאזיע, וואו געווען ביזן פינפטן קלאס און מחמת שוועריקייטן אין וואוינרעכט צוריק מיט די עלטערן געקומען קיין קאוונע. די יוגנט-יארן, וועלכע פ. האט פארבראכט אין ארענבורג, די פאלקס-שול, וואס ער האט דארט געענדיקט, דאס פרייע קאזאקישע לעבן, די קאצאפישע חברים אין גימנאזיע האבן איבערגעלאזן אויף דער פארמירונג פון זיין כאראקטער א שטארקן איינדרוק, מאכנדיק פון אים אליין א גוטן קאצאפ און א גלענצנדן רייטער אויף קאזאקישע פערד, אבער גלייכצייטיק אויך מיט א היפש ביסל יידישע קענטענישן, וועלכע ער האט דערווארבן א דאנק דעם פעטער, וואס זיין פאטער האט עקסטרע געבראכט קיין ארענבורג אלס רבי צו זיינע קינדער. און אזוי האט פאסירט, אז ווען פ. האט זיך אומגעקערט קיין קאוונע שוין אלס א פערצניאריקער באוואוסטזיניקער יינגל מיט א פרייען און געזונטן גייסט און איז צוריק אריין אין דער געדיכטעניש פון דער יידישער סביבה, האט ער צווישן די יידישע חברים פון די עלטערע קלאסן אין קאוונער גימנאזיע, וואס האבן זיך אויסגעהאדעוועט אין א יידישער אטמאספער, באגעגנט ניט ווייניק אזעלכע, וועלכע זיינען דאן און אויך נאכדעם, געווען פיל מער אפגעריסן פון יידישן לעבן און פון אלץ, וואס איז יידיש, ווי ער, דער ארענבורגער „קאזאק״. נאכן ענדיקן די קאוונער גימנאזיע, איז פ. אנגעקומען אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט, אין יאר 1884, אין א פעריאד פון א טיפער רעאקציע. לויט א גליקלעכן צופאל האט ער זיך דארט געטראפן מיט זיינע ארענבורגער חברים, וועלכע זיינען געווען מער פראגרעסיוו און נענטער צו די פרייהייטלעכע באוועגונגען. פ. האט געענדיקט דעם יורידישן פאקולטעט און האט זיך באזעצט אין קאוונע, ווו ער פארנעמט זיך מיט אדוואקאטישער פראקטיק. זיבעצן יאר איז ער אפגעווען א געהילף-אדוואקאט און ערשט נאך דער רעוואלוציע פון יאר 1905 באקומען דעם טיטל געשוואוירענער אדוואקאט.

מיט געזעלשאפטלעכע ארבעט האט זיך פ. פארנומען נאך אין דער קאוונער גימנאזיע, ארגאניזירנדיק זעלבסטבילדונגס-קרייזלעך און פארשפרייטנדיק אומלעגאלע ליטעראטור. שפעטער געשטאנען נאענט צום „בונד״, אבער אין פארטיי ניט אריין, ווייל לויט זיינע פאליטישע איבערצייגונגען איז ער געווען א „נאראדניק״ און ניט קיין מארקסיסט. אין די צייטן פון פלעווע ארגאניזירט דעם טראנספארט פון אומלעגאלער ליטעראטור פון אויסלאנד און אליין געפארן נאך איר קיין יורבורג, געפירט אין קאוונע די גאנצע אפאזיציאנעלע ארבעט און געקעמפט פאר יידישע גלייכבארעכטיקונג, געווען פאליטיש פארפאלגט. גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די וואל-קאמפאניעס צו אלע פיר דומעס און אלע פיר מאל געווען א וואלמאן, אבער זיך אפגעזאגט ארויסצושטעלן זיין אייגענע קאנדידאטור פאר א דעפוטאט. ביי דער דאזיקער פאליטישער טעטיקייט איז ער געווען דער שאפער פון די ליטוויש-יידישע באציאונגען, שטייענדיק נאענט צו די ליטווישע דעמאקראטישע ספערן, האט אויך געשריבן אין זייער ארגאן, מיטארבנדיק גלייכצייטיק וועגן יורידישע פראגן אין „פראווא״ און וועגן אנדערע ענינים אין דער אלגעמיינער פראגרעסיווער פרעסע. אין די מלחמה-יארן געווען אין מאסקווע, וואו גענומען אן אנטייל אין יידיש-ליטווישע פאליטישע אקציעס און פון וועלכער זיך אומגעקערט אין יאר 1918 קיין ווילנע.

מיט דער גרינדונג פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא״ אין ווילנע אין פעברואר 1919 געווארן איינער פון זיינע נאענטסטע און איבערגעבנסטע מיטארבעטער אלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע ביז דער ערשטער קאנפערענץ, געשטאנען בראש פון דער גרויסער יורידישער קאמיסיע פון „יעקאפא״ און איז געווען דער מחבר פון געוויסע מעמאראנדום וועגן די פאגראמען און עקסצעסן אין די בלוטיקע אפריל-טעג, וואס איז אין נאמען פון דער ווילנער קהילה דערלאנגט געווארן דער פוילישער מאכט און דער מארגענטוי-קאמיסיע, פאר וועלכער ער האט אנגעפירט מיט די פארבערייטונגס-ארבעטן פון דער קהילה, מיטן פארהער און פראטאקאלירן פון די טויזנטער געליטענע און עדות און איז געווען דער מוטן פון דער יידישער זייט. גלייך פון די ערשטע צייטן, נאך אין מערץ-אפריל 1919, איז פ. געווען דער פארזיצער פון דער קאמיסיע, וואס „יעקאפא״ האט געגרינדעט מיטן צוועק אויסצופארשן די לאגע אין די צושטערטע פון דער מלחמה שטעט און שטעטלעך און אויפצוריכטן די חורבנות. צוזאמען מיטן ארכיטעקטאר דניאל ראזענהויז און מ. שאלים האט ער דאן אויך אויסגעארבעט דעם ערשטן פראגע-בוינגן וועגן דער אויפבוי-אקציע, וואס איז שפעטער געפירט געווארן פון „יעקאפא״ אין אזא גרויסן פארנעם. האט זיך אויך באטייליקט אין די ארבעטן פון אנדערע קאמיסיעס און פון פרעזידיום פון „יעקאפא״.

סוף זומער 1919 האט זיך פ. אומגעקערט אין קאוונע, וואו זיך באזעצט. אלס פירער פון דער פאלקס-פארטיי, ווערט אויסגעקליבן אלס דעפוטאט פון ליטווישן גרינדונגס-סיים, ווי אויך פון די איבעריקע סיימען. אין די יארן 1920-1926 געווען וויצע-פארזיצער פון יידישן נאציאנאל-ראט. איז פארזיצער פון „היאס—עמיגדירעקט״. אין 1927 זיך באטייליקט אין דער ציריכער קאנפערענץ (ז. אויבן זייט 847), פון וועלכער ארויסגעטראטן צוליב פרינציפיעלע מיינונגס-פארשיידנהייטן צוזאמען מיט די איבעריקע פאלקיסטישע דעלעגאטן ה. ד. נאמבערג, יוסף טשערניכאוו און ד״ר צ. שאבאד (י. עפרויקין און ש. דובנאוו זיינען פארבליבן). דעם 21 אקטאבער 1929 געקומען אויף עטלעכע טעג קיין ווילנע לויט א ספעציעלער ערלויבעניש דורך דער ליטוויש-פוילישער דעמארק-ליניע אלס דעלעגאט אויף דער ערשטער קאנפערענץ פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט.

אין יאר 1919 געדרוקט א גרויסן ארטיקל וועגן בית-דין אין דער ווילנער „יידישע צייטונג״. פיל מיטגעארבעט אין דער קאוונער פאלקיסטישער צייטונג „נייס״ און אין יאר 1930 אין דעם נייעם דעמאקראטישן ארגאן „פאלקסבלאט״. גרייט צו א זאמלבוך מאטעריאלן פון זיין ארכיוו, וואס זאל באשטיין פון: זכרונות, סיים-רעדעס וועגן דער יידישער לאגע אין ליטע און עטלעכע צענדליק ארטיקלען.

פריד שמואל, רב. געבארן אין וואלאזשין אין יאר 1860. שטאמט פון ר׳ חיים וואלאזשינער, דעם גרינדער פון דער ווא-

ראזשינער ישיבה אין יאר תקס״ב. אויך זיין פאטער חיים הלל און זיידע אליעזר יצחק זיינען געווען רבנים און ראשי־הישיבה אין וואלאזשין. פון דעם מוטערס צד שטאמט הרב פריד פון די לאנדאס, וואס זייער

יחוס דערגרייכט ביז דעם מהר״ל מפראג און וואס צו זייער משפחה האט אויך גע־הערט דעם ווילנער גאונס זיידע ר׳ משה קרעמער, דער ווילנער רב. פ. איז אויפגע־וואקסן געווארן אין וואלאזשינער ישיבה. אין יאר תרנ״ט איז ער אויפגענומען גע־ווארן פאר אן איידים ביים ווילנער מו״צ פון פארשטאט נאוואסוויאט ר׳ יהודה ליב קאזאנאוויטש ז״ל, וואס זיין יחוס דער־גרייכט ביז רש״י. נאך זיין שווערס פטירה איז פ. געווארן מו״צ אויף זיין ארט, דער־נאך מיטגליד פון ווילנער בד״צ (בית דין צדק) און צולעצט אין יאר תרע״ח אלס מיטגליד פון ווילנער ועד הרבנים.

הרב פריד נעמט א גרויסן אנטייל אין ווילנער קהלשע ענינים. אין יאר 1912 נאך בייליסעס פראצעס איז ער געווען מיטגליד פון דער דעלעגאציע, וואס די ווילנער גע־מיינדע האט געשיקט צו בייליסעס פארטיי־דיקער אדוו. א. גרוזענבערג. אין יאר 1911, ווען ס׳האט פלוצלונג אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה, האט פ., וועלכער איז דאן געווען אין נויהיים, געגרינדעט דארט א קא־מיטעט צו העלפן די היימלאזע. אומקערנדיק זיך קיין ווילנע, האט ער דא געגרינדעט א קאמיטעט „עזרה מהירה“ פאר די געלי־טענע פון מלחמה. אין יאר 1915 איז פ. געווען איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון „הילפס־קאמיטעט“ און מיט דער גרינ־דונג פון געגנט־קאמיטעט „יעקאפא“ אין ווילנע אין יאר 1919 ביז איצט איז ער מיטגליד פון עקזעקוטיווע, באטייליקנדיק זיך אויף אלע זיינע קאנפערענצן און נע־מענדיק אן אנטייל אין זיינע הילפס־אקציעס און ארבעטן. גלייכצייטיק איז ער אויך גע־ווען איינער פון די גרינדער פון דער צענט־ראלער קאאפעראטיווער פאלקסבאנק אין ווילנע. א געוויסע צייט איז פ. געווען פאר־וואלטער פון דער רעליגיעזער אפטיילונג אין דער ערשטער יידישער דעמאקראטישער

קהילה אין ווילנע. אין יאר [illegible] מיטגליד פון ווילנער וואיעוואדישן קאמיטעט צו שטיצן די געליטענע פון דער פארפלייצונג אין גאליציע. פ. איז פארטרעטער פון הרב י. רובינשטיין פאר מעטריקאציע־ענינים און באציאונגען מיט דער מאכט. איז איינער פון די באליבסטע רבנים און פערזענלעכ־קייטן אין ווילנע.

קאפלאנד אדאלף. געבארן אין טיקטין (ביאליסטאקער געגנט) אין יאר 1870. גע־לערנט אין וואלאזשינער ישיבה און אין ביאליסטאקער גימנאזיע. עמיגרירט קיין אמעריקע אין יאר 1888, וואו ער האט שטו־דירט אין קאלומביא־אוניווערסיטעט, דאן זיך פארנומען מיט אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגען. געווען יארן־לאנג טעטיק ביי פארשיידענע כלל־ארבעטן, איז דירעקטאר פון דער יידישער טשיקאגער שטאטישער צדקה־געזעלשאפט, געוועזענער פרעזידענט פון טשיקאגער ברענטש פון בית מדרש לרבנים פון ניו־יארק, א דירעקטאר פון די פאראייניקטע שולן פון אמעריקע, האט גע־גרינדעט די בני ישראל שול אין אסטין נעבן טשיקאגא און געווען פרעזידענט פון דער שול אין משך פון יארן.

זינט 1917 איז ק. פארזיצער פון טשי־קאגער אפטיילונג פון „האיאס“ און וויצע־פארזיצער פון „האיאס“ אין אמעריקע, איז פארזיצער פון טשיקאגער „הכנסת אורחים“, מיטגליד פון „בני ברית“, טשיקאגער „קונסט־קלוב“, טשיקאגער היסטארישער געזעלשאפט און פון פיל אנדערע אינסטי־טוציעס. אין יאר 1924 האט ק. באזוכט אייראפע און פאלעסטינע אלס פארטרעטער און באפולמעכטיקטער פון „האיאס“, איז אויך געווען אין ווילנע און זיך נעענטער באקאנט מיט דער ארבעט פון „יעאס“ ביי „יעקאפא“.

קאץ יוסף ראובן יצחק הלוי, רב. געבארן אין יאר 1877 אין שטעטל גודלעווע, סובאלקער גוב. (איצט קאוונער ליטע, 7 קי־לאמעטער פון קאוונע). דער פאטער איז רב אין פומפיאן, קאוונער ליטע. זיך געלערנט אין חדרים און ביים פאטער. צום 26־סטן יאר געווארן רב אין ווישינטע, ווילקאמירער

קרייז, וואו געווען 3 יאר, דערנאך אין גלו־באקע, וואו ער איז שוין רב 26 יאר און שטייט בראש פון א ריי אינסטיטוציעס. איז מיטגליד פון דער ווילנער עקזעקוטיווע פון „מזרחי“. פון יאר 1919 ביז אויף היינטיקן

טאג טעטיקער מיטגליד פון „יעקאפא“. פון יאר 1922 מיטגליד פון פלענום פון געגנט קאמיטעט „יעקאפא“ אין ווילנע. אין דעם פנקס זיינען געדרוקט איניקע זיינע זכרונות פון דער מלחמה־צייט.

קאן יוזעף ד״ר. געבארן אין יאר [illegible] אין בוטשאטש (מזרח־גאליציע). די מיטלשול און אוניווערסיטעט געענדיקט אין לעמבערג אלס ד״ר יורי. אין יאר 1921 אנגעהויבן צו ארבעטן אין צענטראל־קאמיטעט פאר אויפזיכט איבער יידישע יתומים אין לעמ־בערג (יתומים צענטראלע פאר מזרח־גאלי־ציע) און אין יאר 1922 געווארן גענעראל־סעקרעטאר פון דעם דאזיקן קאמיטעט. אנפירנדיק אלס פארוואלטער מיט דער ביו־רא פון קאמיטעט ביז אויף היינטיקן טאג. אלס איינער פון די פארטרעטער פון לעמ־בערגער צענטראלע זיך פיל מאל באטיי־ליקט אין די פלענארע זיצונגען און ארבעטן פון פארבאנד פון די צענטראלעס פאר יתומים־פארזארגונג אין פוילן (ווארשע).

קלאפטען צעציליא ד״ר. געבארן אין יאר [illegible] אין טארנאפאל (מזרח־גאליציע) און דארט געענדיקט די יידיש־פוילישע פאלקס־שול. געהאט שווערע קינדער־יארן. די מוטער איז איר געשטארבן צו 1 יאר דער פאטער איז געווען קראנק. צו פופצן יאר פארלאזט זי דעם פאטערס הויז, כדי זיך צו העלפן מיט אייגענע כוחות. זי באזעצט זיך אין לעמבערג, וואו זי גיט פרי־וואטע לעקציעס, ארבעט אבער ווייטער איבער זיך און האלט אויס דעם עקזאמען אלס עקסטערן אין רעגירונגס־סעמינאר אין לעמבערג און אין גימנאזיע אין קראקאו. קומט אן אין לעמבערגער אוניווערסיטעט וואו זי שטודירט נאטורוויסנשאפט, פסיכא־לאגיע און ליטעראטור. אין יאר 1907 ווערט זי אויפגענומען אין ביאלאגישן אינסטיטוט פון לעמבערגער אוניווערסיטעט, וואו זי גיט זיך אפ מיט גרויס התמדה דער שטודיע

UB DFG

פון נאטורוויסנשאפטן און ארבעט דארט מיט אייניקע הספקות ביזן יאר 1920, פון 1913 אלס דעמאנסטראטארין און פון 1915 אלס אסיסטענטין.

אין יאר 1911 האט זי תתונה געהאט מיט ה׳ אלכסנדר קלאפמען, אינזשינער פון מאשינען-בוי, וועלכער איז אין אייניקע חדשים נאך דער חתונה טראגיש אומגעקומען אין די נאפט-גרובן פון טוסטאנאוויץ ביי באריסלאוו, וואו ער איז געווען טעטיק אלס לייטנדער אינזשינער. נאך שווערע פסיכישע איבערלעבונגען און קראנקייטן, וואס זיינען ארויסגערופן געווארן דורך דער דאזיקער קאטאסטראפע, קערט זיך ק. אום צו דער וויסנשאפטלעכער ארבעט אין אינסטיטוט, וועלכע האלט אויף אירע גייסטיקע כוחות. אין יאר 1913 באקומט זי דעם טיטל דאקטאר פילאזאפיע פאר א וויסנשאפטלעכע ארבעט אויפן געביט פון עקספערימענטאלער זאאלאגיע, וועלכע זי האט נאך אין יאר 1916 פארעפנטלעכט אין דער קראקעווער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע, און שפעטער גיט זי אויך אפ א פראפעסארן-עקזאמען פון נאטורוויסנשאפט. אין די יארן 1910—1918 האט זי פארעפנטלעכט א ריי ארבעטן (אונטערן נאמען צעציליא בייגעל — איר מוטערס פאמיליע — און צעציליא בייגעל—קלאפמען) אויפן געביט פון רעגענעראציע, היסטאלאגיע און מעכאניק פון אנטוויקלונג אין פוילישע און דייטשע וויסנשאפטלעכע אויסגאבן. די רעזולטאטן פון אירע לאנגיעריקע פארשונגען איבער אינזעקטן זיינען געבליבן נים פובליקירט צוליב דער געזעלשאפטלעכער ארבעט, אין וועלכער זי איז אריינגעצויגן געווארן פון אנהויב דער וועלט-מלחמה און וואס האט וואס ווייטער אלץ מער אפגענומען ביי איר צייט און ענערגיע און צום סוף איר אינגאנצן איינגעשלונגען. זי פארלאזט איר אמט אין אוניווערסיטעט און דערנאך אויך די וויסנשאפטלעכע פארשונגען.

אין יאר 1914 נעמט ק. אונטער די ערשטע הילפס-ארבעט. זי זאמלט אויף די פאראייניקטע אינטעליגענץ, ארגאניזירט אין לעמבערג היימען פאר קינדער, פאלקס-קיכן א. אז. וו. זי ארבעט-מיט שפעטער אין יידישן רעטונגס-קאמיטעט און פון יאר 1916 אין צענטראל-קאמיטעט פון אויפזיכט איבער יתומים. די הויפט-ענערגיע קאנצענטרירט זי אבער אויפן געביט פון פאך-אויסבילדונג פון די קינדער. אין פרילינג 1915 עפנט זי אויף האנטארבעט-ווארשטאטן, אין יאר 1918 ארגאניזירט זי א געזעלשאפט פון „האנטארבעט-ווארשטאטן פאר יידישע מיידלעך", וואס שטעלט זיך אלס ציל די פראפעסיאנעלע און אלגעמיינע אויסבילדונג פון דער יידישע יוגנט און אין דעם באקומענעם פאר דעם צוועק בנין גרינדעט זי אן אינטערנאט פאר יתומים אין עלטער פון 14—17 יאר. די ערשטע פון דעם מין אינסטיטוציע אין גאליציע, אין וועלכן זי רעאליזירט איר דערציאונגס-פראגראם. אין יאר 1911 ווערט ביי די ווארשטאטן געגרינדעט א גרויסע פראפעסיאנעלע שול פאר מיידלעך — די ערשטע אין גאליציע — אונטער דער אנפירונג פון ק., וועלכע שטייט בראש פון דער דאזיקער מוסטער-שול ביז אויף היינטיקן טאג. די טעטיקייט פון די לעמבערגער אנשטאלטן רופט זיך הילכיק אפ אין גאנץ גאליציע. לויט דער איניציאטיוו פון דער שול אנטשטייט א נעץ פון פראפעסיאנעלע שולן און קורסן וחוץ לעמבערג און קראקע אויך אין א גאנצער ריי פונקטן אויף דער פראווינץ), וואס פיל פון זיי פארמאגן אייגענע בנינים. כדי צו פאראייניטלעכן די ארבעט און זי צו פאראייניקן ווערט לויט ק. איניציאטיוו געגרינדעט דער „פארבאנד צו פארשפרייטן פאך-בילדונג צווישן יידן אין קליינפוילן" (ז. דעם ארטיקל פון ד״ר א. זילבערשיין אין לוח „פון יאר צו יאר" 1927, זייטן 109—115), וואס נעמט ארום איבער 20 אינסטיטוציעס מיט קרוב 2,000 קינדער. ק. זארגט אויך וועגן דער פיזישער אויסבילדונג און געזונט-צושטאנד פון דער יוגנט און לויט איר איניציאטיוו עקסיסטירט שוין לערך 10 יאר צו דעם צוועק א וואקאציע-קאלאניע אין דעם גרויסן גוט פון יק״א סלאבודקא לעסנא, וועלכן צוזאמען מיט ד״ר א. זילבערשיין באמיט זיך ק. שוין אייניקע יאר צו באקומען אלס געזעלשאפטלעכן אייגנטום פאר די צילן פון דערציאונג און לאנדווירטשאפטלעכער פאך-אויסבילדונג פון דער יידישער יוגנט.

ק. איז א מיטגליד פון פרעזידיום פון וועלט-פארבאנד פון די יידישע פרויען, אויסגעוויילט אויף דער קאנפערענץ פון די יידישע פרויען אין האמבורג אין יאר 1929. איז א מיטגליד פון שטאטראט אין לעמבערג, מיטגליד פון אויפזיכטס-ראט פון קאאפעראטיוו „טאטניא", וויצע-פארזיצער פון „פארבאנד פון יידישע פרויען" און מיטגליד פון פארוואלטונג פון דער עמיגראציע-אפטיילונג פון „יעאס" אין לעמבערג. ק. איז איינע פון די פאפולערסטע און באליבטסטע פערזענלעכקייטן אין גאליציע.

קליומעל מענדל. געבארן אין ווידז (קאוונער גוב., איצט פוילן) אין יאר 1873, ביז דרייצן יאר געלערנט אין דער היים, דערנאך אין ישיבות דחסידי חב״ד. דער פאטער איז געווען א שוחט, א למדן מופלג בנגלה ובנסתר, א בקי אין ספר הזהר, עץ חיים, פרי עץ חיים און כמה וכמה חסידישע ספרים און אזוי האט ער אויך דערצויגן זיין זון און אויך אים געמאכט פאר א שוחט (דער צווייטער זון, דער יינגערער ברודער פון מענדל קליומעל, ד״ר מאיר קליומעל איז שוין אוועק אין דער וועלט פון השכלה).

אין דער מלחמה-צייט עוואקואירט קיין כארקאוו, אין יאר 1920 צוריק געקומען אהיים קיין ווידז, וואו געפונען דאס גאנצע שטעטל חרוב ומוחרב. „דריי ווענט פון מיין הויז שטייען אין א מדבר, ווילדע גראז די גרויס פון עוג מלך הבשן, חיות רעות האבן זיך דא גאנץ גוט איינגעלעבט", אזוי באשרייבט ער דאס אויסזען פון ווידז אין יענער צייט. גלייך האט זיך אנגעהויבן די אויפבוי-אקציע פון „יעקאפא" און ס׳איז געגרינדעט געווארן אין ווידז א קאמיטעט פון וועלכן ק. איז געווארן פארזיצער. אויך פון דער פאלקס-באנק, וואס האט זיך דארט מיט דער צייט געגרינדעט, איז ער געווען דער ערשטער פארזיצער. מיט דעם נאמען פון ק. (צוזאמען מיט זיין שוואגער ב. וולאסקין ז״ל, יעקב מאליאצקי א. א.) איז ענג פארבונדן די אויפריכטונג פון ווידז און איר אפבויאונג פון די חורבנות פון מלחמה ביי דער נאענטסטער מיטהילף פון „יעקאפא" אין ווילנע.

קלעבאנאוו אברהם, אינוש. געבארן אין מינסק אין יאר 1881. צוגלייך מיט די אלגעמיינע לימודים אויך געלערנט העברעאיש ביי דעם באקאנטן אין יענער צייט העברעאישן שרייבער „איוב חמינסק". צו 14 יאר פארלאזן דאס עלטערן-הויז און אריבערגעפארן קיין מאסקווע, וואו אנגעקומען אין גימנאזיע (נים האבנדיק קיין וואוינרעכט, זיך צוגעשריבן אלס לערן-יינגל צו א שניידער), געענדיקט דעם ריגער פאליטעכנישן אינסטיטוט און זיך פארפולקומט אין בערלינער פאליטעכניקום. דערנאך אוועקגעפארן קיין מילהויזען (עלזאס), וואו אין משך פון 1½ יאר געארבעט אויף די דארטיקע זאוואדן.

אין יאר 1904 איז ק. געקומען קיין ווילנע און איז דורך ד״ר א. מאקאווער ז״ל אריינגעצויגן געווארן אין געזעלשאפטלעכער ארבעט. ער ווערט איינגעלאדן אויף א בעראטונג וועגן ארגאניזירן און אויסארבעטן א פלאן פון דעה נאענטסטער טעטיקייט פון דער נאר וואס געשאפענער

געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט“ („טרודאָוואַיאַ פּאָמאָשטש“), וואָס ער שטייט בראש פון איר ביז אויפן היינטיקן טאָג און די גרויסע פּראָפעסיאָנעלע שול פון וועלכער איז די וויכטיקסטע יידישע פאַך-אַנשטאַלט אין דער גאַנצער געגנט.

אין יאַנואַר 1919 ווערט ק. אַריינגעצויגן אין פּאָליטישן לעבן און אין דער אָרגאַניזירונג פון דער יידישער זעלבסטשוץ, אין וועלכער ס'האָבן צווישן אַנדערע גענומען אָנטייל די פאַרשטאָרבענע ב. גאָלדבערג, ד"ר ברוק (ציוניסט), עמ. בעסקין א. א. שטעלנדיק זיך בראש פון דעם זעלבסטשוץ, האָט ק. אָרגאַניזירט 10 אָפּטיילונגען איבער

דער גאַנצער שטאָט צו פאַרהיטן פון פּאָגראָמען, אויף וועלכע מ'האָט זיך דאַן גערעכנט. דער שטאַב האָט זיך געפונען אין „מושב זקנים“, פונוואַנען ס'פלעגן גיין פאַראָרדענונגען איבער אַלע אָפּטיילונגען. אויסער דער שטענדיקער אויפזיכט איבער דעם שוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דער קאָמיטעט פונאַנדערגעטיילט געווער, רעוואָלווערן, נאַהייקעס מיט בלייענע קעפּלעך, אייזערנע שטעקנס. אַלס פאַרזאַמלונגס-ערטער האָבן געדינט די בתי-מדרשים, וואו מ'האָט אין משך פון א גאַנץ קורצער צייט פונאַנדערגעגעבן עטלעכע טויזנט רעוואָלווערן און קאַלט געווער, ווי אויך ביז 10 טויזנט פּאַטראָנען. דיזשורן זיינען געווען טאָג און נאַכט, מיטגלידער פון זעלבסטשוץ ביז 1000. א דאַנק דעם זעלבסטשוץ האָט ווילנע דאַן אויסגעמיטן פּאָגראָמען און די איינצלנע אַרויסטרעטונגען פון די שוואַרץ-מאַה'ניקעס זיינען שנעל געוואָרן ליקווידירט.

ק. האָט דאַן געהערט צו א פּאָליטישן קרייזל, בראש פון וועלכן ס'האָט זיך געפונען דער אַנטלאָפענער פון פאַרשיקונג אַראָן סאָלץ (שפּעטער לענינס א פּערזענלעכער סעקרעטאַר און איצטיקער פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן טריבונאַל אין מאָסקווע).

די רוסישע מאַכט האָט אָבער אָנגעהויבן אָפּן צו פאַרפאָלגן די יידישע זעלבסטשוצן. ק. איז געווען געצוואונגען אויף א געוויסע צייט צו אַנטלויפן פון ווילנע.

אומקערנדיק זיך צוריק, האָט ק. פון יאָר 1906 קאָנצענטרירט זיין טעטיקייט אויפן הויבן דעם ניוואָ פון מלאכה צווישן יידן ביי דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט“ אין ווילנע (ז. גענוי וועגן דעם די בראָשור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד דעם יוביליי פון זיין 20-יאָריקער טעטיקייט אין „הילף דורך אַרבעט“ 1905—1925).

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ק. געווען פאָרזיצער פון דער צענטראַל-קאָמיסיע ביים צענטראַלן יידישן הילפס-קאָמיטעט און האָט אויך דורכגעפירט מיט ערפאָלג א ריי וויכטיקע אונטערנעמונגען לטובת דער יידישער באַפעלקערונג.

צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם ד"ר א. מאַקאָווער פאַרנעמט זיך ק. אויך פיל מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער צוגרייטונג פון דער יוגנט אין דער קאָלאָניע וועלימשאַני א. א. (ז. אויבן זייטן 350—351); לויט דעם אויפטראָג פון „יעקאָפּאָ“ אָרגאַניזירט ער פאַך-שולן אין פּראָווינץ (ז. אויבן זייט 352).

זיין הויפּט-אַרבעט האָט ק. אויך ווייטער אָפּגעגעבן דער אויסבויאונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער שול „הילף דורך אַרבעט“. ער אָרגאַניזירט אין יאָר 1925 א דערגאַנצונגס-שול, וועלכע איז די ערשטע יידישע אַנשטאַלט אין ווילנער געגנט פאַר טערמינאַטאָרן. ווייטער ווערן פון אים אָרגאַניזירט אין יאָר 1927 קורצטערמיניקע טעכניש-כעמישע קורסן. ער זעצט אויך פאָר זיין טעטיקייט אויף דעם געביט פון פאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפטלעכע קענטענישן. ער פאַרנעמט זיך מיט אָרגאַניזירן טעאָרעטישע און פּראַקטישע קורסן. ק. איז אויך פאַכמענישער פאַרטרעטער אין די קוואַליפיקאַציע-קאָמיסיעס פון „יעאָס“ ביי „יעקאָפּאָ“ ביים רעגיסטרירן עמיגראַנטן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג. גלייכצייטיק איז ק. דער פאַרטרעטער פון יק"א פאַר א ריי פון אירע אַרבעטן. אין די יאָרן 1919—1927 געווען א מיטגליד פון ווילנער שטאָטראַט, אויסגעקליבן אויפן צעטל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

קרוק אליעזר. געבאָרן אין ווילנע אין יאָר 1880. זיין פאָטער, א טאָקער, איז געווען א פרומער ייד און א למדן און זיין האָפענונג איז געווען, אַז זיינע צוויי זין זאָלן ווערן רבנים. ער שיקט זיי לערנען אין דער ישיבה און אַז ער דערוויסט זיך, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט השכלה, זעצט ער זיי אַוועק אין וואַרשטאַט ביי דער אַרבעט.

נאָכן ענדיקן א רוסיש-יידישע אָנפאַנגס-שול און א פּאָר יאָר לערנען אין ישיבה גייט ק. אינגאַנצן אַריין אין פאָטערס וואַרשטאַט און געשעפט, וועלכן ער נעמט איבער פון יאָר 1900 (זיין עלטערער ברודער האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע) און פירט אים ביז אויפן היינטיקן טאָג. גלייכצייטיק אַנטוויקלענדיק א געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן. האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער באַפרייאונגס-באַוועגונג. אין יאָר 1901—1903 צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט“ און ווי א זאַפאַרשטענדיקער געשטאַנען בראש פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די מעבל-לאַגערן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע פלעגן אַרויסגעבן די בעלי-מלאכות גרעסערע אַוואַנסן אויף די אָנגענומענע אין די לאַגערן אויסאַרבעטונגען. אין יאָר 1908 געווען א מיטגליד פון קאָמיטעט, וואָס האָט געבויט דעם דריטן גאָרן פון מושב זקנים.

פון יאָר 1911 ווערט ק. אַריינגעצויגן אין א גרעסערער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און שוין אין דעם ערשטן יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע גרינדעט ער צוזאַמען מיט נאָך איניקע טוער דעם יידישן האַנטווערקער-פאַראיין אין ווילנע, פון וועלכן ער איז פאָרזיצער ביז אויפן היינטיקן טאָג. צו יענער צייט ווערט אין ווילנע אויך געשאַפן א פאַרבאַנד פון קאָנסום-קאָאָפּעראַציון, פון וועלכן ק. אַלס דעלעגאַט פון האַנטווערקער-קאָאָפּעראַציע ווערט געוויילט פאַר א מיטגליד פון פאַרוואַלטונג ביזן ליקווידירן די קאָאָפּעראַציון אין יאָר 1919. אין 1917 ווערט ק. דעלעגירט דורך די האַנטווערקער אין רעאָרגאַניזירטן צענטראַלן אונטערשטיצונגס-קאָמיטעט און ווערט אויסגעקליבן אַלס מיטגליד פון זיין פּרעזידיום ביז דער גרינדונג פון דער ערשטער ייד. דעמ. קהילה אין ווילנע אין יאָר 1919, ווען ק. איז צוערשט א מיטגליד פון דער קהילה-קאָלעגיע און ביי דער קאָנסטרואירונג פון דער קהילה אין מאַי 1919 פאָרזיצער פון איר פאַרוואַלטונג ביז אויפן היינטיקן טאָג. אין דיזעלבע יאָרן 1917—1919 איז ק. געווען וויצע-פאָרזיצער (צוזאַמען מיט ז. רייזען) פון דער „דעמאָקראַטישער פאַראייניקונג“ (שפּעטערדיקע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אונטער דעם פאָרזיץ פון ד"ר צ. שאַבאַד און האָט געפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט. נעמט א נאָענטן אָנטייל אין די אַרבעטן פון אַמעריקאַנער רעטונגס-קאָמיטעט „אַוואַ“ און נאָכדעם א. ק. פּ. ד. אין ווילנע. פון יאָר 1919 איז ק. אויך א מיטגליד פון ווילנער שטאָטראַט און פון יאָר 1928 פאַרנעמט ער דעם פּאָסטן פון א לאַווניק אין ווילנער מאַגיסטראַט. גלייכצייטיק איז ק. א מיטגליד פון קאָמיטעט פון „אָרט“ אין ווילנע און שפּעטער אויך פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „אָרט“. אין יאָר 1925 האָט ער זיך באַטייליקט אַלס פאַרשטייער פון ווילנער קהילה אויף דער וועלט-הילף-קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד און איז דאָרט אויסגעוויילט

געוואָרן אלס מיטגליד פון ראַט. אין זעלבן יאָר נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָרגאַניזירן די אויסשטעלונג פון יידישער מלאכה אין ווילנע. אין די יאָרן 1922—1923 נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל אין גרינדן דעם יתומים-קאָמיטעט ביי דער קהילה, וועלכער ווערט שפּעטער לעגאַליזירט אלס באַזונדערע געזעלשאַפט פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך אַקטיוו ביז אויפן היינטיקן טאָג און צוזאַמען מיט פרוי ז. לעוואַנדע און נ. וואַפּנער האָט ער איר פיל מאָל פאַרטראָטן אויף די זיצונגען פון פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן (וואַרשע). אין יאָר 1924 ווערט ער אויסגעקליבן אלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון וועלט-פאַרבאַנד פון די יידישע האַנטווערקער-אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ אין בוימן (דייטשלאַנד) אין יאָר 1928. אין זעלבן יאָר באַטייליקט ער זיך אלס מיטגליד פון קאָמיטעט אין אָרגאַניזירן דעם צפון-יריד אין ווילנע. אין יאָר 1929 ווערט ער געוויילט אלס פאַרטרעטנדער מיטגליד פון דער ייִדישער אַגענץ אין פּוילן. אין זעלבן יאָר ביי די וואַלן צו דער האַנטווערקער-קאַמער אין ווילנע ווערט ער אויסגעקליבן אין פאַרוואַלטונג און פאַרנעמט דאָרט דעם אַמט פון וויצע-פאַרזיצער. אין יאָר 1930 אויף דער קאָנפערענץ פון די פיר אָרגאַניזאַציעס — „אָרט", „טאָז", „יעאָס" און „צענטאָס" — אין וואַרשע אויסגעקליבן אלס מיטגליד פון ראַט פון דער פאַראייניקטער זאַמלונג „אויפבוי און זעלבסטהילף".

קריינין מאיר. ז. וויימער.

ראַבינאָוויטש ראַשל. געבאָרן אין טאַלאַט (ליטע) אין יאָר 1881. דער פאָטער איז געווען רב אין זאַבלודאָווע ביי ביאַליסטאָק. די מוטער, שטרענג-רעליגיעז, האָט באַזעסן אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן, פון צייט צו צייט זיך פאַרנומען מיט שרייבן און מיט כלל-אַרבעט. ר. ווערט אַריינגעצויגן אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט נאָך פון די פריסטע יאָרן און אַרבעט באַזונדערס אַקטיוו אין די מלחמה-צייטן. ווען אין יאָר 1915 ווערט געשאַפן אין ביאַליסטאָק א קאָמיטעט צו העלפן היימלאָזע ווערט ר. איינע פון זיינע הויפּט-טוער און אין יאָר 1916 גרינדעט זי א דאַמען-קאָמיטעט (פון וועלכן זי ווערט אויסגעוויילט אלס פאַרזיצערין), וואָס פירט דורך א גאַנצע ריי גרעסערע הילפס-אַקציעס, ווי „מלביש-ערומים", „פּקוח-נפש", שטיצע פאַר רעזערוויסטן, „הילף דורך אַרבעט" מיט אייגענע וואַרשטאַטן און ווערט אין משך פון די יאָרן איינע פון די וויכטיקסטע סאָציאַלע אינסטיטוציעס אין ביאַליסטאָק.

באַזונדערס שרעקלעך איז געווען אין יענער צייט די נויט פון די קינדער און זעענדיק די גרויסע טעטיקייט פון דאַמען-קאָמיטעט האָט מען אָנגעהויבן שטילערהייט אַריינצוואַרפן עלנטע קינדער צו פרוי ר. אין שטוב. די קינדער זיינען געווען אויסגעהונגערטע, איינגעוויקלט אין שמאַטעס. די דאָזיקע פּאַקטן פלעגן זיך איבערחזרן פון טאָג צו טאָג, און איר פּריוואַטע וואוינונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מקום-מקלט. אַזאַ מצב האָט איר געשטויסן אָנצונעמען שריט צו שאַפן א יתומים-הויז, וואו די הילפלאָזע קינדער זאָלן געפינען א היים. דאָס אויפבויען א יתומים-הויז האָט דאַן אויסגעזען ווי א חלום, ווייל די יידישע געזעלשאַפט איז געווען כמעט אינגאַנצן רואינירט און האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויפצובויען אַזאַ בנין. מיט מסירת-נפש ווערט אָבער דער חלום פאַרווירקלעכט: דעם 15 יולי 1917 ווערט געשאַפן דער יתומים-הויז „עזרת-יתומים" און הונדערטער הילפלאָזע קינדער ווערן אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט. פון דאַמאָלסט אָן האָט ר. געפונען דעם אמתן תיקון אין דער אַרבעט פאַרן יידישן יתום. מיט דער צייט אַנטשטייט און אַנטוויקלט זיך אין ביאַליסטאָק די געזעלשאַפט פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג מיט 4 יתומים-הייזער און 200 קינדער, פון וועלכער ר. איז די גאַנצע צייט די פאַרזיצערין. אין יאָר 1924 האָט ר. באַקומען א זילבערנעם פאַרדינסט-קרייץ פון דער פּוילישער רעגירונג פאַר איר אַרבעט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. ר. איז א מיטגליד פון פּלענום פון פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן (וואַרשע) און צוזאַמען מיט א. דאָמעראַצקי האָט זי פיל מאָל אין משך פון יאָרן פאַרטראָטן די ביאַליסטאָקער יתומים-צענטראַלע אויף די זיצונגען פון עקזעקוטיווע און פּלענום פון פאַרבאַנד. אין יאָר 1930 האָט ר. אונטערגענומען א רייזע קיין אַמעריקע אין שליחות פון ביאַליסטאָקער יתומים-צענטראַלע.

רודניצקי אליהו, אַדוו. געבאָרן אין קאַלטיניאַן (ווילנער גוב.) אין יאָר 1892 אין א פאַרמעגלעכער פאַמיליע פון וואַלדסוחרים. זיך געלערנט אין חדר, ביים רב, אין א קיבוץ פון פּרושים, דערנאָך אין דער ווילנער יידיש-רוסישער גימנאַזיע פון פּ. אי. קאַגאַן, וועלכע געענדיקט אין יאָר 1913. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע אָנגעקומען אין היידעלבערגער אוניווערסיטעט און שטודירט מעדיצין.

ביים אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה געקומען צוריק קיין קאַלטיניאַן. זומער 1915 אַוועק פון דער היים און אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" און „אָזע" אין ניי-סווענציאַן און אויפן פראָנט צוזאַמען מיט י. ווערניק, מ. פיינליב, אַדוו. ראָזנגאַרטן, ב. לאַגונאָווא, פאַרשט, ד"ר א. מאַקאָווער, וואַלענטינא ווינאָווער און באַראָן אַסיא גינזבורג. די הויפּט-אַרבעט פון דער אָפּטיילונג איז געווען די רעעוואַקואַציע פון די היימלאָזע פון דער ליניע פּאָניעוועזש — אַניקשט — אוציאַן — נאָווא-סווענציאַן קיין פּענזע טאַמבאָוו פון איין זייט און טשערניגאָווער גוב. פון דער אַנדערער זייט. 1915 - 1916 געאַרבעט אין גלובאָקע אין דער אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" און „אָזע" און אין קאָנטאַקט מיט דעם „זעמסקי סאָיוז" און „סאָיוז גאָראָדאָוו". אין יאָר 1915 אָנגענומען געוואָרן אין פּסיכאָ-נעווראָלאָגישן אינסטיטוט אין פּעטערבורג, וואו זיך געלערנט 2 יאָר. אין יאָר 1916 געקומען קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט ווייטער שטודירט און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין ציוניסטיש-סטודענטישן לעבן. גלייך נאָכן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע 1917 דעלעגירט געוואָרן פון אַלרוסלענדישן ציוניסטישן צ. ק. אין פּעטערבורג אין בעסאַראַבער גובערניע אלס אינסטרוקטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע. אין מאַי 1917 אומגעקערט זיך צוריק קיין פּעטערבורג, וואו ער איז באַשטימט געוואָרן אלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון ציוניסטישן צ. ק., אָבער אינגיכן געמוזט צוליב פאַמיליען-אַנגעלעגנהייטן אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע, וואו ער איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון מאָסקווער ראַיאָן-קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער צעירי-

ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכע איז נאך דאן געווען א פראקציע פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אנגעפירט מיט דער קאמפאניע אין נאמען פון די ביידע ארגאניזאציעס (און די גובערניעס ארכאנגעלסקער, וואלאגדער און אלאנעצער גוב.) צו דעם אלרוסישן יידישן צוזאמענפאר סוף 1917, אויף וועלכן ער איז אויסגעקליבן געווארן אלס דעלעגאט, אבער צוליב דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש איז דער צוזאמענפאר ניט צושטאנדגעקומען.

אין יאר 1917—1918 פארגעזעצט דעם שטודיום אין מאסקווער אוניווערסיטעט אויפן יורידישן פאקולטעט. נאכן ברעסטער שלום אין מאי 1918 זיך אומגעקערט קיין קאלטיניאן-ווילנע, וואו ער האט זיך באזעצט און אנטוויקלט א געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, איבערגענומען די צייטונג „לעצטע ניעס" צוליב ציוניסטישע צוועקן. איז אויסגעקליבן געווארן אין דער ווילנער קהילה, וואו געווען מיטגליד פון פארוואלטונג. איז אויסגעקליבן געווארן אויף דער ערשטער קאנפערענץ פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע אין יאר 1919 אלס מיטגליד פון עקזעקוטיווע, וועלכן אמט ער פארנעמט ביז אויף היינטיקן טאג. אין 1919 איז ר. אויך אויסגעקליבן געווארן אלס מיטגליד פון ווילנער שטאטראט און האט פארנומען דעם אמט ביז 1928. פון 1921 ביז 1924 מיטגליד פון פארוואלטונג פון דער צענטראלער יידישער קאאפעראטיווער פאלקסבאנק אין ווילנע און פון 1924 ביז איצט פארזיצער פון ראט פון דערזעלבער באנק. איז מיטגליד פון ראט פון קאאפעראטיוון פארבאנד אין ווארשע. אין די יארן 1925—1926 פארזיצער פון ווילנער סטודענטן-פאראיין, געענדיקט דעם ווילנער אוניווערסיטעט און אין יאר 1922 געווארן פראקטיצירנדער אדוואקאט אין ווילנע. פון יאר 1900 געארבעט אין צעירי-ציוניסטישע קרייזלעך, געווען אין די יארן 1919—1926 פארזיצער פון דער צעירי-ציוניסטישער פארטיי אין ווילנער געגנט און צוזאמען מיט איר זיך פאראייניקט אין יאר 1927 מיט די רעכטע פועלי-ציון. אין מאי 1930 אויסגעקליבן געווארן אלס פארזיצער פון „שול-קולט" אין ווילנע.

רובינשטיין יצחק, רב. ז. ווייטער.

שאבאד צמח, ד״ר. ז. ווייטער.

שאף מאקס, ד״ר. געבארן אין לעמבערג אין יאר 1888, וואו ער האט אויך געענדיקט די מיטלשול און אוניווערסיטעט און האט זיך באזעצט אלס אדוואקאט. אין די יארן 1918—1919 גענומען א לעבעדיקן אנטייל אין דער ארבעט פון לעמבערגער רעטונגס-קאמיטעט. אין יאר 1920 געווארן וויצע-פארזיצער פון דער אפטיילונג פון דער געזעלשאפט פאר קינדער-היימען און גערטנערײַ-קאלאניעס אין לעמבערג, וואס האט פאר א ציל די אויפזיכט איבער יתומים און פארלאזענע קינדער און אויסבילדן זיי אין א פאך. אין יאר 1922, נאכן טויט פון ד״ר אברהם קארקיס ז״ל, האט ש. איבערגענומען די פארזיצערײַ אין דער געזעלשאפט, וואו ער אנטוויקלט א פרוכטבארע טעטיקייט ביז אויף היינטיקן טאג.

אין יאר 1923 איז ש. אויסגעקליבן געווארן אלס וויצע-פארזיצער פון צענטראל-קאמיטעט פאר אויפזיכט איבער יידישע יתומים אין לעמבערג (יתומים-צענטראלע פאר מזרח-גאליציע), וועלכן אמט ער פארנעמט ביז איצט, זייענדיק גלייכצייטיק א מיטגליד פון פלענום פון פארבאנד פון די צענטראלעס פאר יתומים-פארזארגונג אין פוילן (ווארשע).

שאצקעס משה, רב. געבארן אין יאר 1882 אין ווילנע. געלערנט אין די ישיבות פון טעלז און סלאבאדקע. אין יאר תרס״ט געווארן רב אין ליפנישעק און אין יאר תרע״ו אין איוויע, וואו ער איז רב ביז אויף היינטיקן טאג און שטייט בראש פון א ריי אינסטיטוציעס. טעטיקער מיטגליד פון „יעקאפא" פון יאר 1919 אן, זיך באטייליקט אין אלע דריי געגנט-קאנפערענצן פון קאמיטעט און איז מיטגליד פון זיין פלענום.

שווייצער דוד. געבארן אין פראסקוראוו אין יאר 1889. זיך געלערנט אין א מיטלשול אין יעקאטערינאסלאוו און אלעקסאנדראוווסק. 15 יאר אלט (נאך דער מוטערס טויט) האט ער צוזאמען מיט זיין עלטערער שוועסטער עמיגרירט קיין אמעריקע. דארט שטודירט ער אין ניו-יארקער „סיטי קאלעדזש" און דערנאך אין קאלומביא-אוניווערסיטעט. ער באזוכט אויך די „שול פאר פילאנטראפיע" און באקומט דארט אן אויסבילדונג אין סאציאלער ארבעט. אריינגעפירט אין דעם קרייז פון באקאנטן ניו-יארקער פילאזאף טאמאס דייווידסאן ווירקט ער מיט צו דער גרינדונג פון אן ארבעטער-קאלעדזש און ווערט אינגיכן דער דירעקטאר פון דער דאזיקער ניי-געגרינדעטער אוונט-שול. דריי יאר צייט איז ש. אויך געווען דער לייטער פון אן ארגאניזאציע, וואס האט געהאט די אויפגאבע איינצוארדענען אין פראקטישן לעבן די קינדער, וואס גייען ארויס פון יתומים-היימען. ש. גייט דערנאך אריבער צו שטודירן סטאטיסטיק און הסכמה בוכהאלטעריע און ארבעט אין דער „קאמיסיע פאר געזעלשאפטלעכן דינסט" פון שטאט ניו-יארק. ווען פעליקס ווארבורג האט געגרינדעט די „פעדעראציע פון די יידישע ווויילטעטיקע אנשטאלטן" ווערט ש. דער לייטער פון איר בודזשעט-אפטיילונג. פון דאן אן ארבעט ש. אויסשליסלעך אויפן סאציאלן געביט.

אין יאר 1919—1920, ווען דער פארשטארבענער ד״ר באגען איז געקומען קיין אייראפע מיט דעם ערשטן „יונים" (שטאב פון אמעריקאנער דזשוינט-מיטארבעטער.

ז. אויבן זייט 721) איז ש. געווען דער לייטער פון דער פינאנץ- און קאנטראל-אפטיילונג. פון דאן אן ביז אויף היינטיקן טאג פארנעמט ש. דעם פאסטן פון פינאנץ-דירעקטאר פון „דזשוינט" אין אייראפע און איז וויצע-פארזיצער פון דער דזשוינט- און פונדיישן-ביורא אין בערלין און מיטגליד פון אייראפעאישן ראט.

שווייצער יצחק. געבארן אין פראסקוראוו אין יאר 1886, ברודער פון דוד שווייצער. פון 1904 אין אמעריקע, האט

שטודירט יוריספרודענץ, איז אבער שפעטער אריבער צו מסחר און צוליב זיינע געשעפטן אפט געוויזן קיין פראנקרייך. אין מלחמה-צייט האט זיין פירמע אפגעשטעלט איר טעטיקייט. ש. האט דאן, אין יאר 1920, אנגעהויבן צו ארבעטן אין „היאס" אין דאנציג און שפעטער איז ער געווארן דירעקטאר פון דעם היימלאזע-דעפארטאמענט אין ווארשע. ווען די היימלאזע-ענינים אויך געשטאנען אין א נאענטן קאנטאקט מיט „יעקאפא" אין ווילנע. ביי דער רעארגאניזאציע פון „דזשוינט" אין די יארן 1923—1924 האט ש. זיך אומגעקערט קיין אמעריקע, וואו ער פארנעמט זיך ווידער מיט סאציאלער ארבעט.

שטיינבערג יוסף, ד״ר, אדוו. געבארן אין קראקאו אין יאר [illegible], געענדיקט גימנאזיע און דעם יאגעלאנער אוניווערסיטעט אין קראקאו אלס ד״ר יורי. האט אויך נאכדעם ספעציעל שטודירט אין ווינער אוניווערסיטעט און האט פובליקירט א ריי יורידישע ארבעטן. פון יאר [illegible] פראקטיצירט אלס אדוואקאט אין קראקאו, איז מיטגליד פון אדוואקאטן-ראט און עקזאמינאטאר. ש. איז א קאמיטעט-מיטגליד פון פיל הומאניטארע געזעלשאפטן, גיט אבער אפ פון יאר 1919 די הויפט-אויפמערקזאמקייט פאר דער ארבעט לטובת די יידישע יתומים אלס פארזיצער פון דער יתומים-צענטראלע פאר מערב-גאליציע אין קראקאו, איז מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און פלענום פון פארבאנד פון די צענטראלעס פאר יתומים-פארזארגונג אין פוילן (ווארשע), פארטרעטנדיק די קראקאווער צענטראלע אויף די זיצונגען פון פארבאנד אין משך פון די לעצטע יארן. ש. איז אויך פארזיצער און ערן-מיטגליד פון דער הייל-קאלאניע פאר שול-קינדער אין ראבקע.

שטראשון יצחק. געבארן אין יאר 1879 אין ראקאוו (מינסקער גוב., איצט פוילן) אין דער באוואוסטער שטראשון-משפחה פון רבנים און למדנים. געלערנט אין חדרים און בית-מדרש אין ראקאוו, צו 13 יאר געקומען קיין ווילנע זיך לערנען אין ראמיילעס ישיבה, בעת די ישיבה האט שוין געהאט א רוסישע שול. אין יאר 1894 פארביטן זיין פאטער אין שטראשונס ביבליאטעק, וואו ער איז פארוואלטער ביז אויף היינטיקן טאג שוין 37 יאר. אין די יארן 1920—1927 געווען גלייכצייטיק פארוואלטער פון ביכער-לאגער פון „יעקאפא״. פון סוף 1927 ארבעט ש. אויך אין ווילנער אוניווערסיטעט-ביבליאטעק, וואו ער קאטאלאגיזירט די יידיש-העברעאישע אפטיילונג.

פון יאר 1909, ווען ס׳האט זיך געגרינדעט די ביבליאטעק „מפיצי השכלה״ אין ווילנע ביז 1923 איז ש. געווען א מיטגליד פון איר קאמיטעט, אין די יארן 1913—1917 מיטגליד פון קאמיטעט „אפע״ („מפיצי השכלה״) אין ווילנע, (1920—1923 מיטגליד פון ועד העירוני פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ראטמאן פון דער ערשטער דעמאקראטישער קהילה אין ווילנע און מיטגליד פון דער היסטאריש-עטנאגראפישער געזעלשאפט און מוזיי.

שיחור חיים. געבארן אין אלט-קאנסטאנטין (וואלין) אין יאר 1898. געלערנט אין חדרים און בית-מדרש, אוועק קיין אדעס, וואו געווען אן עקסטערן. דארט אויך זיך באטייליקט אין פארשיידענע ציוניסטישע קרייזן. אין יאר 1917 צוריקגעקומען קיין אלט-קאנסטאנטין, וואו געענדיקט גימנאזיע. בעת די וואלן צו דער גרינדונגס-פארזאמלונג מיטגעארבעט אין וואל-קאמיטעט פון קרייז. נאך דעם פראסקוראווער פאגראם גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער הילפס-אקציע פאר די פאגראם-געליטענע, ארגאניזירט און ארויסגעטראטן אויף פראטעסט-מיטינגען. אין יאר 1920 איז ער געקומען קיין ראוונע, וואו ער האט געארבעט אלס סעקרעטאר פון ציוניסטישן צענטראל-ביורא פאר אוקראינע און גלייכצייטיק ארגאניזירט דעם פאלעסטינע-אמט. פון ראוונע איז ש. אריבערגעפארן קיין ווארשע, וואו אנגעהויבן צו ארבעטן אין נאציאנאל-ראט. געבראכט אין ארדענונג דעם אוקראינישן ארכיוו פון יידישן מיניסטעריום בעת פעטלורעס רעגירונג (דער ארכיוו איז איבערגעשיקט געווארן אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק אין ירושלים), 5 יאר געווען סעקרעטאר פון דער סעקציע פאר עמיגראציע און רעעמיגראציע ביים נאציאנאל-ראט און גלייכצייטיק אויך אנגעפירט מיט דער אפטיילונג פאר סאציאלער פארזארגונג ביים נאציאנאל-ראט. ש. האט זיך באטייליקט אין אלע בשותפותדיקע קאמיסיעס פון „דזשוינט״, יק״א, „[illegible]״, „צענטראל-ביורא פון היימלאזע״, „נאציאנאל-ראט פאר ערטיילן הלואות און שטיצע די היימלאזע אין ווארשע״.

אין יאר 1925 בעת דער פערטער עליה האט ש. במשך פון 2 יאר מיטגעארבעט אין דער אינפארמאציאנס-אפטיילונג פון פאלעסטינע-אמט, זיך באטייליקט אלס מיטגליד אין דער „מחלקת עבודה״ און אין איר נאמען באזוכט אין צוזאמענהאנג מיט דער קאנטראלע פון די עולים א גרעסערע צאל שטעט אויף דער פראווינץ, מיטגעארבעט אין דער הכשרה-קאמיסיע ביים פאלעסטינע-אמט.

אין יאר 1927 האט ש. אנגעהויבן מיטארבעטן אין פארבאנד פון די צענטראלעס פאר יתומים-פארזארגונג אין פוילן (ווארשע), וואו אנגעפירט אין דעם יאר מיט דער יתומים-וואך און במשך פון די יארן 1927—1930 מיט דער הייל-קאלאניע אין ציעכאצינעק. אין ווארשע האט ש. פארגעזעצט זיין שטודיום אין דער פוילישער פרייער הויך-שול און אוניווערסיטעט. ביז 1928 מיטגעארבעט אלס מיטגליד פון צענטראל-קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארבעטס-פארטיי „התאחדות״. אין נאמען פון דער פארטיי באטייליקט זיך אלס מיטגליד פון דירעקטאריום פון קק״ל, פון „קאמיטעט פארן ארבעטנדן א״י״, אלס דעלעגאט פון XIII און XIV ציוניסטישע קאנגרעסן. איז מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „יעאס״ אין ווארשע.

שליוגער אלכסנדר. געבארן אין יאר 1885 אין א דארף לעבן משארני אסטראוו פאדאליער גובערניע. זיך געלערנט ביי א רבי אין שטוב, צו 9 יאר אנגעקומען אויף א צוקער-פאבריק, וואו ער האט געארבעט אייניקע יאר. דערנאך אפגעפארן קיין קיעוו, וואו געארבעט אין א פאבריק פון מעדיצינישע אינסטרומענטן און אויך באזוכט א שול.

אין די פאראייניקטע שטאטן איז ער געקומען אין יאר 1903. ביז 1907 געארבעט ביי טאג אין א זייגער-קאמפאניע און ביי נאכט באזוכט די טאמאס דייווידסאן-שול. אין יאר 1907 אוועקגעווארפן די טאג-ארבעט און אריינגעטראטן אין דער מיטלשול-אפטיילונג פון ניו-יארקער שטאטישן קאלעדזש. אין אוונט פלעגט ער פארקויפן צייטונגען. גלייכצייטיק האט ער פארגעזעצט זיין בילדונג און אין יאר 1914 געענדיקט דעם ניו-יארקער אוניווערסיטעט. האט אויך שטודירט אין דער ניו-יארקער שול פאר פילאנטראפיע און שפעטער אין קאלומביא-אוניווערסיטעט, וואו ער האט אין יאר 1916 באקומען דעם טיטל פון מאגיסטער אין סאציאלאגיע.

אין דער צייט פון שטודיום געווען צוויי יאר א לערער אין א מיטל-שול און אין די יארן 1914—1918 דירעקטאר פון דער טאמאס דייווידסאן-שול (אינסטיטוט פאר לוין-ארבעטער). ווייטער האט ער געארבעט אין דער יידישער וואוילטעטיקייטס-ביורא און דערנאך אלס שעף פון דער יידישער יוגנט-געזעלשאפט אין וועסט-סייד פון ניו-יארק.

אין יאר 1920 האט ש. אנגעהויבן צו ארבעטן אין „היאס״ אין דער אפטיילונג פאר אויסלאנד. אין יולי 1920 איז ער געקומען אין שליחות פון „היאס״ קיין פוילן, וואו ער איז געווען א פאר יאר, האט אנגעפירט מיט דער היאס-ביורא אין ווארשע און אנטוויקלט א בארייטנדע טעטיקייט.

אין יאר 1923 האט זיך ש. צוריקגעקערט קיין אמעריקע און אין יאר 1924 באנייט זיין ארבעט אין ניו-יארקער „היאס״. וואו

ער איז באַשעפטיקט ביז אויף היינטיקן טאָג.

ש. איז מיטגליד פון פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: סעקרעטאַר פון טאָמאַס דייווידסאָן-געזעלשאַפט; געזעלשאַפט צו פאַרזיכערן אויף דער עלטער; אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פון בילדונג פאַר דערוואַקסענע; עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון אַמעריקאַנער „אָרט" און פון פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן.

שליוגער פאַני, פרוי פון אַלעקסאַנדער שליוגער. געבאָרן אין פּראָסקוראָוו (פּאָדאָליער גוב.). אין די פאַראייניקטע שטאַטן געקומען אין יאָר [illegible] מיט דער מוטער, אַן אַלמנה, און 4 יינגערע קינדער. צו עלף יאָר אָנגעקומען אין א פאַבריק. אין [illegible] אָנגעהויבן צו באַזוכן די טאָמאַס דייווידסאָן-שול און שפּעטער די ניו-יאָרקער שול פאַר פילאַנטראָפּיע. צוויי יאָר געווען אויפזעערין אין יידישן הכנסת-אורחים. אין משך פון 3 יאָר געאַרבעט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט צו העלפן רייזנדע. אין יאָר 1920 געענדיקט דעם הונטער-קאָלעדזש.

אָנהויב 1921 געקומען קיין אייראָפּע און צוזאַמען מיטן מאַן געפירט די „היאַס"-אַרבעט אין וואַרשע. אין יאָר 1923 זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע.

ש. איז א מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון אַמעריקאַנער „אָרט", פון עקזעקוטיוו פון דאַמען-קאָמיטעט ביים „אָרט", מיטגליד פון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון שפּיטאָל אין בראָנקס (ניו-יאָרק) און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

שניאורסאָן מענדל. געבאָרן אין יאָר 18[illegible] אין טשערקאַס (קיעווער גוב.). איז א זון פון טשערקאַסער רב פון דער באַרימטער פאַמיליע שניאורסאָן דעם אייניקל פון צמח צדק (אין דער נייער גענעראַציע געהערן איצט צו דער פאַמיליע דער ליובאַוויטשער רבי, פּראָפ. פישל שניאורסאָן; יצחק גיטערמאַן; גינזבורג-נאַומאָוו א. א., ז. אויך ווייטער די אויטאָביאָגראַפיע פון י. גיטערמאַן). געלערנט ביי מלמדים, דערנאָך ביי דער מוטערס פאָטער דעם האָרנאָסטײפּאָלער רבי אין הויף. באַקומען סמיכה ביים רב אין קורסק, וואו ער האָט זיך אויך עקזאַמינירט אַלס עקסטערן, געווען א צוהערער אויף די קורסן פאַר אָריענטאַלישע וויסנשאַפטן פון באַראָן גינצבורג אין פּעטערבורג, אַן איידים ביי א גוטן יידן, זיינעם א פעטער, טווערסקי. אין די יאָרן 1912—1919 געווען ראַבינער אין ראַדאָמישל (קיעווער גוב.), וואו געפירט א געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און געשטאַנען בראש פון דער יידיש-רוסישער גימנאַזיע. צוליב די פּאָגראָמען אַוועק קיין קיעוו.

אין יאָר 1922 איז ש. געקומען קיין פּוילן און האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון א פאַרוואַלטער פון דזשוינט-ביוראָ פאַר קינדער-פאַרזאָרגונג אין פּינסק. אין 1923 איבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו געווען צו-ערשט מיטגליד פון דער דזשוינט-קאָלעגיע פאַר קינדער-פאַרזאָרגונג און דערנאָך אין משך פון 5 יאָר פאַרוואַלטער פון פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן פון זיין גרינדונג אָן (ז. אויבן ז. 266), האָט די אַרבעט פון פאַרבאַנד שטאַרק פאַרברייטערט און געווען זייער באַליבט. אין יאָר 1928—1929 האָט ש. אונטערגענומען א רייזע קיין אַמעריקע אין שליחות פון יתומים-פאַרבאַנד. אין יוני 1929 האָט ש. פאַרלאָזן פּוילן און זיך באַזעצט אין ארץ-ישראל (וואו זיין פאַמיליע איז שוין געווען פון פריער), פאַרנעמענדיק דעם פּאָסטן פון פינאַנס-פאַרוואַלטער פון ירושלימער אוניווערסיטעט.

שערעשעווסקי רפאל. געבאָרן אין יאָר 1869 אין וואַרשע. דער פאָטער דוד-משה איז געווען אן אייניקל פון גרינדער פון דער מירער ישיבה ר' יוסף דוד. באַקומען א טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, געלערנט אין חדר און שפּעטער געווען 3 יאָר א תלמיד פון ר' אליעזר אַמלס. למודים חצוניים געלערנט ביי פּריוואַטע לערער און באַזוכט פאַרשיידענע ציקלען לעקציעס און הויכשולן. צווישן די חברים פון חדר—באַפריינדעט עד-היום מיט דוד-צבי פאַרבשטיין, מיטגליד פון העכסטן גע-ריכט אין דער שווייץ *).

אין יאָר 1907 איז ש. געווען א וואַלמאַן (אַלס קאַנדידאַט פון פּ. פּ. ס., ווייל אין זיין ראַיאָן איז ש. געווען דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט האָט פּ. פּ. ס. דעריבער אַרויסגעשטעלט אים) צו דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע.

פון יאָר 1916 אָפּגעגעבן פיל אויפמערקזאַמקייט דער אָרגאַניזאַציע פון סוחרים-פאַראיין אין פּוילן. געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער יידישער ליי- און שפּאָר-קאַסע אין וואַרשע. פון 1916 ביז איצט—ראַטמאַן פון דער שטאָט וואַרשע און אָנהויבנדיק פון [illegible] רעפערירט ער דעם בודזשעט פון דער שטאָט וואַרשע אין דעם הכנסה-טייל. אין 1922 געוויילט אַלס סענאַטאָר צום 2-טן פּוילישן סיים. אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט פאַך-בילדונג ביי יידן און איז די גאַנצע צייט מיטגליד פון פאַרוואַלטונג פון דער יידישער האַנטווערקער-שול אויף סמאָווקי אין וואַרשע. נעמט א נאָענטן אָנטייל אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און איז פאָרזיצער פון ראַט פון באַנק פאַר קאָאָפּעראַציע אין וואַרשע. איז וויצע-פּרעזעס פון לאָזשע בני ברית, פאַר-

---

*) ס'איז אינטערעסאַנט צו ברענגען דעם פאָלגנדן בריוו, וואָס איינער פון די העכסטע ריכטער פון דער שווייץ און אָנגעזעענער סאָציאַליסטישער טוער ה' דוד צבי פאַרבשטיין (א ברודער פון העשל פאַרבשטיין, דעם מזרחיסטישן סיים-דעפּוטאַט און פאָרזיצער פון וואַרשעווער קהילה) האָט געשריבן צו ה' רפאל שערעשעווסקי. בעת דעם לעצטנס פאַרברענגען אין פראַנצויזישן קוראָרט קאַן (נאָרמאַנדיע) און וואָס דערמאָנט ווי האַרציק אָן די פאַרבינדונג פון די [illegible] געמיינזאַמע חדר-יאָרן:

„ציריך, 15 סעפּטעמבער 913:

ידידי! הנני יושב עתה בישיבת בבי"ד [illegible] ועוסק בהוויות דיני שוויץ. וזכורני הימים שישבנו בחדר מורנו פלוני ועסקנו בהוויות אביי ורבא.

אם תשאר עוד שבועות אחדים בכה, אולי אבקרך. כתב לי מתי תעזוב את פה.

הנני דורש לשלומך

דוד צבי פרבשטיין"

זיצער פון יק"א-קאָמיטעט אין וואַרשע, עק־זעקוטיוו-מיטגליד פון „פונדיישן".

גרויס אינטערעס און פיל צייט האָט ש. אָפּגעגעבן דער אַרבעט פאַר יתומים און מיט דער גרינדונג פון פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן. אין יאָר 1923 שטייט ש. בראש פון פאַרבאַנד אלס זיין פאָרזיצער ביז אויף היינטיקן טאָג.

ש. איז באַקאַנטער פינאַנסיסט, באַנקיר און אינדוסטריעלער.

צוליב טעכנישע סיבות האָבן די וויטערדיקע ביאָגראַפיעס ניט געקענט אריינגיין אין סדר פון א"ב אייבן און זיערן געגראַבט וא.

באַרנשטיין יצחק. געבאָרן אין יאָר 1895 אין קאָוואַל (וואָרשעווער וואָיעוו.). שפּעטער איז די פאַמיליע אריבערגעפאָרן קיין וולאָצלאַוועק. געלערנט אין חדר, שטאַטישער שול, געווען אַן עקסטערן, צוהערער פון דער פּוילישער פרייער הויך-שול אין וואַרשע, געאַרבעט אין לאָדזער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אלס פּראָקורענט. אין יאָר 1919—1920 געווען א מיטגליד פון וולאָצלאַוועקער שטאָטראַט אויף דער ליסטע פון פּועלי-ציון. פון יאָר 1921 אַרבעט ב. שוין 10 יאָר אין „דזשוינט", פריער אלס סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פאַר היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן און די לעצטע יאָרן אלס סעקרעטאַר פון דער דזשוינט-ביוראָ אין וואַרשע.

ב. האָט פאַרעפנטלעכט א ריי עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע אַרבעטן פון פאַרשיידענע געביטן פון יידישן לעבן אין פּוילן. ער איז א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „קוואַרטאַלניק סטאַטיסטישני", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון מלוכהשן הויפּט-סטאַטיסטישן אַמט אין פּוילן, וואו געדרוקט א ריי פאָרשונגען. באַטייליקט זיך אויך אין אַנדערע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן און אויסגאַבן. אויף יידיש זיינען זיינע אַרבעטן געדרוקט אין „לוח פון יאָר צו יאָר". ווילנע 1929 (יידישע קהילות); „שוצלאָזע קינד", וואַרשע 1928 (סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל יתומים); „ווירטשאַפט און לעבן", בערלין 1929 (אַגראַר-רעפאָרם און די יידן; יידישע בעקעריי-וועזן); „קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג", וואַרשע 1928—1929 (מעטאָד פון אַנאַליזירן ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג; הויפּט-פּרינציפּן פון דער וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אין דער ביוראָ-אַרבעט); „סאָו-ידיעות", וואַרשע 1930 („צו דער פראַגע פון דעמאָגראַפישע פאָרשונגען און סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן"); „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק". יוו"א, בערלין, 2-טער באַנד, דאַרף ערשיינען 1931 (בערשטער-אינדוסטריע). גרייט צו א ריי מאָנאָגראַפיעס וועגן דער עוואָלוציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן אין דעמאָגראַפישער און פּראָפעסיאָנעלער הינזיכט; וועגן דעם אָנטייל פון יידן אין דער קאָנפעקציע-אינדוסטריע א. א. איז א מיטאַרבעטער פון פּיקס פון „יעקאָפּאָ".

בערנשטיין דזשאָן, אַרוו. געבאָרן אין יאָר 1872 אין ניעושין (טשערניגאָווער גוב.). קיין אמעריקע געקומען אין יאָר 1891, זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק, א געוויסע צייט גע־אַרבעט אין א הוט-פאַבריק, דערנאָך געווען א צייטונגס-פאַרקויפער. באַזוכט פּראַטט אינסטיטוט, וואו שטודירט ענגליש, סטענאָגראַפיע און מאַשין-שרייבן. געוואָרן א סטענאָגראַפיסט אין א יורידישער ביוראָ. אָנגעקומען אויפן יורידישן פאַקולטעט פון ניו-יאָרקער אוניווערסיטעט, וועלכן געענדיקט אלס אַדוואָקאַט אין יאָר 1898, שטייט בראש אלס יוריסקאָנסולט פון א גרויסער אונטערנעמונג.

ב. איז אין פאַרוואַלטונג פון „היאַס" אין אמעריקע זינט זיין אַנטשטיין ביז אויפן היינטיקן טאָג. איז געווען צוערשט ערשטער סעקרעטאַר און דערנאָך פּרעזידענט פון „היאַס" אין משך פון [illegible] יאָר.

איז מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אמעריקע, געווען א געוויסע צייט מיטגליד פון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון דער לאָזשע בני-ציון, פּרעזידענט פון דער עמיגראַציע-באַנק פון „היאַס", מיטגליד פון אויפזיכטס-ראַט פון דער הרצליה-אַקאַדעמיע, מיטגליד פון די אָרדענס בני-ציון, ברית אברהם, בני-ברית און א ריי אַנדערע לאָזשעס און פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס.

בערנשטיין דזשעמס, ד"ר. ברודער פון דזשאָן בערנשטיין. געבאָרן אין יאָר 1875 אין ניעזשין (טשערניגאָווער גוב.). געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1891. פון 1894 ביז 1925 פּראַקטי־קירט אלס ד"ר מעדיצין אין ניו-יאָרק. פון 1925 ביז 1929 געווען פאָרטרעטער פון „היאַס" אין אייראָפּע און מיט דער גרינדונג

פון „היקעס" (היאַס—יקא—עמיגדירעקט) איינער פון זיינע דריי דירעקטאָרן אין פּאַריז צוזאַמען מיט עדואַרד אונגער און מ. קריינין. פיל מאָל באַזוכט אין עמיגראַציע-ענינים פּוילן, אויך געווען אין ווילנע און זיך נאָענסטער באַקאַנט מיט דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעאַס" ביי „יעקאָפּאָ". אין יאָר 1929 זיך אומגעקערט קיין ניו-יאָרק, וואו פאַרנעמט זיך ווידער מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק, איז מיטגליד פון פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקע.

בערקענהיים אלכּסנדר. געבאָרן אין מאָסקווע אין יאָר 1878 אין א פאַרמעגלעכער סוחרישער פאַמיליע. געענדיקט גימנאַזיע אין מאָסקווע און שטודירט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, אָבער ניט געקענט ענדיקן, ווייל ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד, וואו געענדיקט די דרעזדענער טעכנישע הויך-שול אלס אינזשענער—כעמיקער. אומקערנדיק זיך קיין מאָסקווע, געווען באַשעפטיקט מיט כעמישער און מעכאַנישער האָלץ-אינדוסטריע.

פון די סטודענטישע יאָרן אָן האָט ב. אָנגעהערט צו דער פּאַרטיי ס. ר., וואו גענומען א נאָענטן אָנטייל אין דער אַרבעט. געווען איינציקע מאָל פאַרשיקט אין טורכאַנסק (סיביר), אַרכאַנגעלסק און שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. גענומען אָנטייל אין מאָסקווער אויפשטאַנד בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע — אין יאָר 1905.

אין די יאָרן 1906—1911, וואוינענדיק 3 יאָר אין אַרכאַנגעלסק אלס פאַרשיקטער האָט ב. אָרגאַניזירט פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציון פון האָלץ-באַאַרבעטונג און האָלץ-דעסטילאַציע, וואָס זיינען געווען פון די גרעסטע פּראָדוציר-אונטערנעמונגען אין רוסלאַנד. אין דערזעלבער צייט האָט ב. רעדאַקטירט די טעגלעכע ראַדיקאַלע צייטונג „סעווערני וועסטניק" אין אַרכאַנגעלסק, וועלכע איז שפּעטער געשלאָסן געוואָרן.

קומענדיק פון פאַרשיקונג אין אויסלאַנד

צוריק קיין מאָסקווע אין יאָר 1913 אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטער אין „צענטראָסאָיוז״ (צענטראַלער אַלרוסישער פאַרבאַנד פון קאָנסום-קאָאָפּעראַציע), וואו אין יאָר 1915 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון פּרעזידיום (פאַרוואַלטונג) און אין יאָר 1917, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, געוואָרן פאָרזיצער פון „צענטראָסאָיוז״ (זיינע איבעריקע צוויי חברים פון פאַרוואַלטונג די באַקאַנטע קאָאָפּעראַטאָרן וו. זעלהיים און ד. קאַראַבאַוו זיינען געוואָרן מיניסטאָרן פון קערענסקי-רעגירונג, וואו זיך פאַרנומען מיט קאָאָפּעראַטיווער אינדוסטריע, גרינדנדיק עטלעכע צענדליק קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן (מילן, אייל, שאָקאָלאַד א. אַז. וו.). אין זעלבן יאָר געווען פאָרזיצער פון מאָסקווער אַפּראָוויזאַציע-קאָמיטעט און וויצע-פאָרזיצער פון מאָסקווער דומע. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אַרוים אין דעמיסיע און דעלעגירט געוואָרן אין יאָר 1919 פון „צענטראָסאָיוז״ קיין אויסלאַנד, כּדי צו אָרגאַניזירן אויסלענדישע פאַרטרעטערשאַפטן פון צ. ס. מיט אַ באַזונדערער מיסיע דורכצוברעכן די דעמאָלטיקע בלאָקאַדע לטובת דער קאָאָפּערירטער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. מיט דעם צוועק באַזוכט אין די יאָרן 1921—1920 לאָנדאָן, ניו-יאָרק, בערלין, פּאַריז, קריסטיאַניע (אָסלאָ), סטאָקהאָלם, וואו אָרגאַניזירט באַזונדערע אַקציאָן-געזעלשאַפטן אונטערן נאָמען פון „צענטראָסאָיוז״. די באַמיאונגען דורכצוברעכן די בלאָקאַדע האָבן געהאַט ערפאָלג: לויט דעם רעפעראַט פון ב. האָט דער אויבערשטער ראַט פון דער קאָאַליציע אין פּאַריז (קלעמאַנסאָ, לאָיד-דזשאָרדזש, ניטי און ווילסאָן) באַשטימט ווידער אויפצונעמען די האַנדלס-באַציאונגען מיט רוסלאַנד דורך דעם „צענטראָסאָיוז״. באַלד נאָכדעם אָבער, איז אין ראַטן-רוסלאַנד נאַציאָנאַליזירט געוואָרן די גאַנצע רוסישע קאָאָפּעראַציע און אַלס פאַרטרעטער פון איר זיינען געקומען קיין אויסלאַנד קראַסין און ליטווינאָוו און דאַן האָט ב. אויפגעהערט זיין אַרבעט, — איבערגעבנדיק אין אַ יאָר אַרום, 1922, די גאַנצע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון צענטראָסאָיוז און די געהעריקע קאַפּיטאַלן דעם ה' ל. כינטשוק, וועלכער איז געקומען פון רוסלאַנד אַלס פאַרטרעטער צו יענער צייט שוין דענאַציאָנאַליזירטן „צענטראָסאָיוז״ (פּעריאָד פון „נעפּ״).

אין יאָר 1923 איז ב. אָפּגעפאָרן קיין ארץ-ישראל לויט דער איינלאַדונג פון זיין פריערדיקן חבר אין „צענטראָסאָיוז״ אינזשענער פּנחס רוטנבערג, וואו ב. האָט ביי רוטנבערגן געבויט די עלעקטרישע סטאַנציע אין תּל-אביב.

אין יאָר 1924 איז ב. געקומען קיין פּוילן, וואו פון יאָר 1925 ביז איצט איז ער דער דירעקטאָר פון פאַרבאַנד-פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן (וואַרשע).

[ב. איז אַ ברודער פון אַבראַם בערקענהיים, מיטאַרבעטער פון „וואָסכאָד״, מחבר פון דער באַקאַנטער סעריע אַרטיקלען „די קאָלאָניזאַציע-באַוועגונג צווישן די רוסישע יידן קיין פּאַלעסטינע און אַרגענטינע״ („וואָסכאָד״ 1898—1805) און אַנדערע ווערק, איצט פּראָפעסאָר פון כעמיע אין מאָסקווער אוניווערסיטעט].

גרינפעלד יונה. געבאָרן אין יאָר 1888 אין בעלאַיאַ צערקאָוו (קיעווער גוב.) אין אַ נגידיש-חסידישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, געווען אַן עקסטערן, אין יאָר 1917—1916 באַזוכט דעם יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערסיטעט.

אין יאָר 1909—1908 געווען איינער פון די גרינדער און פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון דער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע „פאַמאַשטש״ אין קיעווער גוב., געאַרבעט אַלס באַפולמעכטיקטער פון יק״א אויפן עמיגראַציע-געביט, אין יאָר 1916—1915 באַפולמעכטיקטער פון „קאָפּע״ אויף וואָלינער און טשערניגאָווער גוב., אין יאָר 1916 געווען באַפולמעכטיקטער פון פּעטראָגראַדער „אָפּע״ און געאַרבעט אין קיעווער, טשערניגאָווער און וואָלינער גוב. אין יאָר 1917 מיטגליד און אַקטיווער טוער פון נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט פון די יידישע קהילות אויף אוקראַינע. אין יאָר 1919—1918 וויצע-פאָרזיצער און פאַקטישער אָנפירער פון קיעווער צענטראַלן אַלאוקראַינישן הילפס-קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון די פּאָגראָמען.

אין יאָר 1922 איז ג. געקומען קיין פּוילן, וואַרשע, וואו צוערשט געאַרבעט אין רעטונגס-קאָמיטעט פאַר די היימלאָזע און מגורשים, דערנאָך אין גרינדונגס-קאָמיטעט פאַר עמיגראַציע-ענינים. פון סעפּטעמבער 1924 איז ג. אַ דירעקטאָר פון דער יידישער צענטראַלער עמיגראַציע-געזעלשאַפט אין פּוילן („יעאַס״).

פון די יונגע יאָרן האָט זיך ג. באַטייליקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, געווען צוערשט אַן אַלגעמיינער ציוניסט, דערנאָך אַ צעירי-ציון און מיט דער פאַראייניקונג פון דער פּאַרטיי אַ רעכטער פועלי-ציון און מיטגליד פון זייער צ. ק. איז מיטגליד פון דירעקטאָריום פון קרן-היסוד פאַר פּוילן.

גאָלדע סעלים. געבאָרן אין יאָר 1885 אין פּלאָצק. געענדיקט אוניווערסיטעט אין אויסלאַנד אַלס כעמיקער. זיך ספּעציאַליזירט אין בוכהאַלטעריע און קאָמערציק פון אויסלאַנד אין יאָר 1910 געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער פון דעם יידישן קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוו אין וולאָצלאַוועק. דאָרט אויך אין די מלחמה-יאָרן 1917—1915 געווען פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג פון יידישן רויטן קרייץ און 1918—1915 מיטגליד פון פאַרוואַלטונג פון דער קינדערהיים. אין יאָר 1918 איז ג. געקומען פון וולאָצלאַוועק קיין וואַרשע, וואו זיך באַזעצט און 1920—1918 געווען צוערשט פאַרוואַלטער פון ביוראָ פאַר ביליקע קיכן און דערנאָך פאַרוואַלטער פון טראָפּן מילך ביים „דזשוינט״.

פון יאָר 1920 ביז איצט איז ג. פאַרוואַלטער פון יק״א-ביוראָ אין וואַרשע איבער די ענינים פון קאָאָפּעראַציע און קרעדיטוועזן און מיט דער גרינדונג פון „פונדיישן״ — שעף פון איר אינספּעקטאָרן-קאָלעגיע און פאַרטרעטער אין פּוילן.

גאָלדע סטאַניסלאַוו. קוזין פון סעלים גאָלדע. געבאָרן אין יאָר 1888 אין פּלאָצק. געענדיקט ליעזשער אוניווערסיטעט אַלס מאַטעמאַטיקער. געאַרבעט אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. פון יאָר 1919 ביז אויף היינטיקן טאָג פאַרוואַלטער פון יק״א-ביוראָ אין וואַרשע איבער די ענינים פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, לאַנדווירטשאַפט, עמיגראַציע און אויפבויאונג פון די חורב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער און בנינים. וועגן דער לעצטער אַקציע, וואָס יק״א האָט געפירט דורך דעם געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע, איז ער געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט „יעקאָפּאָ״.

הירשפעלד איסידאָר. געבאָרן אין ניו-יאָרק אין יאָר 1869. זיין פאָטער איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געקומען פון לימע אין יאָר 1838 און זיין מוטער פון פּוילן, עטלעכע יאָר שפּעטער. דער זיידע, פון דער מוטערס צד, איז געווען איינער פון די ערשטע רוסיש-יידישע רבנים אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איז מיט 85 יאָר צוריק געווען דער גרינדער און ערשטער רבי פון דעם „בית המדרש הגדול״ אין ניו-יאָרק, וועלכער עקזיסטירט נאָך ביז איצט. ער האָט אויך געגרינדעט די ערשטע תּלמוד-תּורה פאַר די רוסיש-פּוילישע יידן,

„מחזיקי תלמוד-תורה" אין ניו-יאָרק, וואָס עקסיסטירט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

ה. איז דערצויגן געוואָרן אין די ניו-יאָרקער פּאַלקס-שולן, געענדיקט דעם שטאַטישן קאָלעדזש אין ניו-יאָרק אין יאָר 1888 און דעם יורידישן פאַקולטעט פון ניו-יאָרקער אוניווערסיטעט אין יאָר 1891 אַלס אַדוואָקאַט.

אין משך פון בערך 10 יאָר איז ה. געווען אַ מיטגליד פון „היאַס"-דירעקטאָריום און פון יאָר 1921 איז ער דער פּאָוסטייער און יוריסקאָנסולט פון „היאַס" אין וואַשינגטאָן. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער תלמוד-תורה-געזעלשאַפט אין אויבערשטן טייל ניו-יאָרק, וואו ער איז אין משך פון 17 יאָר געווען אַ מיטגליד פון אויפזיכטס-ראַט און ערן-סעקרעטאַר אין משך פון 7 יאָר, בעת וועלכע עס

איז אויפגעבויט געוואָרן דער נייער בנין פאַר דער תלמוד-תורה. ער איז אַ מיטגליד פון דער שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע אין ניו-יאָרק. 20 יאָר איז ער געווען ערן-סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד פון די יידישע אָרטאָדאָקסישע סינאַגאָגעס אין אַמעריקע. ער איז אַ מיטגליד פון אויפזיכטס-ראַט פון יידישן געמיינדע-צענטער אין וואַשינגטאָן און פון דער יידישער וואוילטעטיקייטס-פעדעראַציע אין וואַשינגטאָן. אַלס אַקטיווער ציוניסט איז ער געווען פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאָלומביאַ-דיסטריקט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איז געווען פאָרזיצער פון פאַראייניקטן פּאַלעסטינע-קאַמפּיין. אין משך פון אַ סך יאָרן איז ער אויך געווען פאַרטרעטער אין נאַציאָנאַלן (נאַציאָנאַל: פאַרן גאַנצן לאַנד) ראַט פאַר יידישע סאָציאַלע אויפּבוי אין אַמעריקע און איז געווען מעסיק אין ספּעציעלן קאָמיטעט פון דאָזיקן ראַט בײַם צונויפשטעלן די בודזשעטן און פינאַנסירן די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט זיך אויך געגעבן אַ סך מי בײַם איינאָרדענען די ביוראָ פון יידישער דערציאונג אין ניו-יאָרק.

אַלס פאַרשטייער פון „היאַס", האָט ער אין יאָר 1915 באַזוכט די רוסישע מאַריטימע

ריעס, וועלכע זיינען געווען אָקופּירט דורך דייטשע און עסטרייכישע מיליטערישע חיילות, מיטן צוועק איינצושטעלן פאַרבינדונגען צווישן די דאָרטיקע איינוואוינער און זייערע קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַרלייכטערן דאָס איבערשיקן אינדיווידועלע געלט-שטיצע. אַלס רעזולטאַט פון זיינע באַמיאונגען האָבן די איינוואוינער פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס באַקומען ערלויבעניש זיך דירעקט צו קאָמוניקירן מיט זייערע קרובים דורך דער פאַרמיטלונג פון „היאַס". אויף אַזאַ אופן האָט ער פאַרבונדן איבער 250 טויזנט פאַמיליעס מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע, וועלכע האָבן איבערגעשיקט גרויסע סומעס געלט-שטיצעס. ער האָט אויך אויסגעווירקט אין די מלחמה-יאָרן די מעגלעכקייט צו עמיגרירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר בערך 8,000 פרויען און קינדער פון די אָקופּירטע געגנטן.

קורץ נאָכן וואָפנשטילשטאַנד אין פעברואר 1919, איז ער געווען איינער פון דער „קאָמיסיע פון די דריי", וועלכע דער „דזשוינט" האָט דעלעגירט צו באַזוכן פּוילן און איינצושטעלן דאָרט אַ סיסטעם פון רעליעף-אַרבעט. אין משך פון יאָר 1919 און אַ טייל פון 1920 האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער דזשוינט-אַרבעט אין פּוילן. מיט קליינע איבעררייסן האָט ער פאַרבראַכט אין פּוילן פון פעברואר 1919 ביז מאַי 1922. דאָ האָט ער איינגעאָרדנט דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר אינדיווידועלע געלט-איבערווייזונגען, דורך וועלכן עס זיינען דורך איבער 223 טויזנט געלט-איבערווייזונגען אויף דער אַלגעמיינער סומע פון בערך 10 מיליאָן דאָלאַר. אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז ער אויך געווען דער פאַרשטייער פון „דזשוינט" לגבי דער פּוילישער רעגירונג, אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, אַמעריקאַנער קאָנסולאַט א. אז. וו. אין שייכות מיט דער דאָזיקער פאַרבינדונג פלעגט ער פאַרזאָרגן די עמיגראַציע-ענינים פון „דזשוינט", דערהויפּט די גרופּן פון קינדער-יתומים, וועלכע דער „דזשוינט" פלעגט אָפּשיקן צו זייערע קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די דאָזיקע גאַנצע צייט, וואָס ה. איז געווען אין פּוילן און געפירט די הילפס-אַרבעט, איז ער אויך געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיטן נטגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" אין ווילנע, די פאַרשטייער פון וועלכן נ. א. קאָוואַרסקי און מ. שאַליט האָבן פיל מאָל אים באַזוכט אין וואַרשע און זיך פאַרשטענדיקט וועגן אַ ריי הילפס-אַקציעס און אונטערנעמונגען פאַר ווילנער געגנט און דעם ראַיאָן, וואו „יעקאָפּאָ" האָט געפירט די הילף- און אויפבוי-אַרבעט. ה. האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן צו דער דורכפירונג

פון די דאָזיקע אַרבעטן און הילפס-אַקציעס.

אין יאָר 1922 האָט ה., לויטן אויפטראָג פון „דזשוינט", באַזוכט אונגאַרן, וואו ער האָט דורכגעפירט אַן אינספּעקציע פון די יידישע קולטור-אינסטיטוציעס אין שייכות מיט דער קולטורעלער רעליעף-אַרבעט פון „דזשוינט".

זינט מאַי 1923 האָט ה. אָרגאַניזירט און פירט אָן מיט דער ביוראָ פאַר אימיגראַציע און נאַטוראַליזאַציע-ענינים פון „היאַס" און אַנדערע יידישע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס אין וואַשינגטאָן. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער גענאָסן פון דער שטיצע פון די אָפיציעלע אַמעריקאַנער ספערן. ה. איז אַ מיטגליד פון יידישן געמיינדע-צענטער אין פלאַטבוש, וועלכן ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן; איז מיטגליד און שפּעטער פרעזידענט פון דער אומאָפּהענגיקער לאָזשע „בני-ברית"; מיטגליד פון נאַציאָנאַלן פרעסע-קלוב אין וואַשינגטאָן, מיטגליד און מיטאַרבעטער פון אַ ריי רעליגיעזע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס פון ניו-יאָרק און וואַשינגטאָן.

העלד ליליאַן, פרוי פון אַדאָלף העלד (ז. אויבן ז. 733). געבאָרן אין ניו-יאָרק. אין די יאָרן (1920—1921), ווען אַדאָלף העלד האָט אָנגעפירט מיט דער היאַס-אַרבעט אין וואַרשע, איז זי אויך געקומען קיין אייראָפּע און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער עמיגראַציע-אַרבעט פון וואַרשעווער ביוראָ. נאָכן אומקערן זיך קיין אַמעריקע איז זי געוואָרן פאָרזיצערין אין דאַמען-קאָמיטעט פון רענד-שול, מיט וועלכער זי איז נאָך געשטאַנען פריער אין פאַרבינדונג. איז אויך געווען פאַרבונדן מיטן „אָרט" און פּיפּל-רעליעף, מיט דער געזעלשאַפט צו העלפן בלינדע אין פּאַלעסטינע און מיטן סאַנאַטאָריום אין לאָס-אַנדזשעלאָס.

העלד אַדאָלף (הוספה צו דער זייט 831). געקומען קיין אַמעריקע מיט דער מו-

טער און נאָך אַ שוועסטער אין יאָר 1884 דער פאָטער און צוויי קינדער זיינען שוין געווען אין אַמעריקע מיט אַ יאָר פריער. געענדיקט דעם ניו-יאָרקער פרייען אוני-

ווערסיטעט (סיטי קאַלעדזש) אין יאָר 1906 און אין זעלבן יאָר אַריינגעטראָטן אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" אלס כראָניק-רעפּאָרטער. אין יאָר 1912 געוואָרן דער גאָרט-פּאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס". 1914—1920 זיך פאַרנומען מיט פּריוואַטע געשעפטן (מעל-האַנדל). ביז אויף היינטיקן טאָג ערן-מיטגליד פון דער „היאַס"-פאַרוואַלטונג און פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט, וואָס גיט אַרויס דעם „פאָרווערטס" אין ניו-יאָרק.

הערשפילד איסידאָר, ז. הירשפעלד (ז. 819—822).

האַפנער נחום. געבאָרן אין יאָר 1884 אין ווילנע. געלערנט אין ראַמיילעס ישיבה אין ווילנע, וואו זיין פאָטער איז געווען אַ ראש-ישיבה א: יאָר. געענדיקט אַ רוסיש-יידישע פאָלקס-שול אין ווילנע. געווען אַן עקסטערן. אין די יאָרן 1903—1906 געאַרבעט אויף פאַבריקן אין ווילנע, פעטערבורג און מאָסקווע אלס מעטאַליסט-סאָקער. באַזוכט אין פעטערבורג טעכנישע קורסן און גלייכצייטיק געלערנט זיך בוכהאַלטעריע. פון יאָר 1909 ביז 1916 געווען בוכהאַלטער אויף פאַרשיידענע פאַבריקן און האַנדלס-אונטערנעמונגען. 1916—1918 ווידער געאַרבעט אלס מעטאַל-סאָקער אויף פאַבריקן אין פעטראָגראַד. די גאַנצע צייט גענומען אַן אָנטייל אין דער אַרבעטער-באַוועגונג אלס מיטגליד פון „בונד".

סוף 1918 צוריקגעקומען קיין ווילנע. געווען אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1919 אַ מיטגליד פון פּרעזידיום אין „וויסאָוואַרכאָז" אלס דעלעגירטער פון פּראָפ. פאַראיין פון די מעטאַליסטן אין ווילנע. פון יולי 1919 געאַרבעט אין דער ערשטער ווילנער יידישער דעמאָקראַטישער קהילה אין דער קאָנטראָל-אָפּטיילונג אלס בוכהאַלטער און פון יאָר 1920 אין דער אָפּטיילונג פאַר קינדער-פאַרזאָרגונג, מיט דער גרינדונג פון שפּעציעלן יתומים-קאָמיטעט אין ווילנע סוף 1922 איז ה. זיין פאַרוואַלטער ביז אויף היינטיקן טאָג.

ה. איז מיטגליד פון צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט (צ. ב. ק.) און פאָרזיצער פון עלטערן-קאָמיטעט ביי די צ. ב. ק.-שולן אין ווילנע.

חילענטשיק יעקב. געבאָרן אין ראַדזשאַנקע (נים ווייט פון לידע) אין יאָר 1899. געענדיקט אַ מיטלשול, שטודירט פאַרמאַציע און איז אַפּטייקער אין ראַדזשאַנקע. געזעלשאַפטלעך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין יאָר 1919. פון 1920 פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג פון ראַדזשאַנקער פאָלקס-באַנק. 1922 און 1924 געווען דעלעגאַט אויף דער צווייטער און דריטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע. פון יאָר 1926 מיטגליד פון גמינע-ראַט אין ראַדזשאַנקע, אין יאָר 1920 אויסגעוויילט געוואָרן אלס איינציקער יידישער מיטגליד אין סיימיק פון שטשוטשינער פּאָוויאַט. אין יאָר 1930 מיטגליד פון ראַט פון דער קאָמונאַלער קאַסע אין דעמזעלבן קרייז.

זאַקהיים לוי. געבאָרן אין יאָר 1881 אין ווילנע. יידישע און העברעאישע למודים געלערנט אינדערהיים. געווען אַן עקסטערן. געלערנט אין דער ווילנער מיטל-טעכנישער שול, וועלכע געמוזט פאַרלאָזן צוליב פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען. זיך פאַרנומען מיט לערעריי. אין די יאָרן 1904—1905 געאַרבעט אלס פּראָפעסיאָנאַל אין „בונד". 1906—1907 געווען אַדמיניסטראַטאָר פון דער ווילנער בונדישער „פאָלקסצייטונג". פון יאָר 1908 געאַרבעט אלס בוכהאַלטער אין אַ האַנדלס-אונטערנעמונג און פון 1908 ביז 1918 אין דער באַסאַנער דרוקעריי און פאַרלאַג ראָזנקראַנץ און שריפטזעצער אין ווילנע. אין די יאָרן 1917—1918 איז ז. געווען איינער פון די גרינדער און סעקרעטאַר פון ווילנער דעמאָקראַטישן קלוב. פון 1919 געווען בוכהאַלטער אין קהילה, „יעקאָפּאָ" און „אָרט". פון 1919 ביז 1923 בוכהאַלטער פון „יעקאָפּאָ". געווען אַ מיטגליד פון דער ערשטער עקזעקוטיווע פון „יעקאָפּאָ" 1919—1921. פון אָנהויב 1923 איז ז. אַריבער אַרבעטן אין דער ווילנער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק, וואו ער איז נאָכן אָפּפאָרן פון נ. א. קאָוואַרסקי קיין וואַרשע אין יאָר 1927 געוואָרן דירעקטאָר ביז אויף היינטיקן טאָג.

טשערניאַקאָוו אַדאַם (הוספה צו די זייטן 751—753). אויסגעקליבן אלס סענאַטאָר אין די צוגאָב-וואַלן אויף וואַלין אין מאַי 1930.

לעווין-עפשטיין אליהו זאב הלוי. געבאָרן אין ווילקאָווישק, ליטע, אין יאָר 1863. געלערנט אין חדרים און אין וואָלאָזשינער ישיבה. אַלגעמיינע לימודים ביי פּריוואַטע לערער אינדערהיים. אין 1883 געגרינדעט אין וואַרשע צוזאַמען מיט סטודענט לעאָן וואַמענהאָף (ערפינדער פון עספּעראַנטאָ) אַ געזעלשאַפט צו אונטערשטיצן די ערשטע חלוצים (ביל"ו) אין ארץ-ישראל. אין 1885, נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער, איז ער געוואָרן געשעפטספירער פון זיין ספרים-געשעפט און פאַרלאַג, וועלכער עקסיסטירט איצט אונטער דעם נאָמען: „געברידער לעווין-עפשטיין און קאָ" אין וואַרשע.

אין 1890 האָט ער צוזאַמען מיט זיינע פריינד אָרגאַניזירט די חברה „מנוחה ונחלה" אין וואַרשע און איז אין איר אויפטראַג געפאָרן קיין ארץ-ישראל און האָט געקויפט דאָס לאַנד „דוראַן", וועלכע מ'האָט אַ נאָמען געגעבן „רחובות". פון 1890 ביז 1900 איז ער געווען דער פקיד פון „מנוחה ונחלה" און האָט פאַר זיי געבויט און געפלאַנצט. אין די [illegible] 10 יאָר איז ער געווען דער ראש הועד פון „רחובות". אין 1896 האָט ער אָרגאַניזירט, צוזאַמען מיט זיינע פריינד, די ערשטע „כרמל"-חברה אין וואַרשע, וועמענס צוועק איז געווען צו שאַפן אַ מאַרק פאַר די ארץ-ישראל-פּראָדוקטן פון די יידישע קאָלאָניעס. אין 1901 איז ער געפאָרן — אויף דעם וואונטש פון באַראָן ראָטשילד — קיין אַמעריקע און האָט דאָרט געגרינדעט דעם אַמעריקאַנער „כרמל". וועלכן ער האָט געפירט 17 יאָר, ווען צוליב דער וועלט-מלחמה האָט עס אים ליקווידירט.

אין 1904 איז ער געוואָרן אויסגעקליבן אלס דער נאַמן פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע. אין 1914, ווען די וועלט-מלחמה איז אויסגעבראָכן און אין אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן דער „פּראָוויזאָרישער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פאַר אַלגעמיינע ציוניסטישע ענינים" אונטער דער פירונג פון לואיז ד. בראַנדייס, איז

ל.-ע. אויסגעקליבן געוואָרן אלס דער נאַמן און האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן ביז 1921. אין יענער צייט האָט ער אויך אָרגאַניזירט דאָס אַריבערשיקן הילפס-געלטער קיין ארץ-ישראל אויף פאַרשיידענע וועגן. אין 1915 איז ער געפאָרן אין דעם אָקופּירטן פּוילן און האָט דאָרט אָרגאַניזירט דאָס איבערשיקן פּריוואַטע אונטערשטיצונגען פון אַמעריקע קיין פּוילן. די צאָל ערשטע אַדרעסן, וועלכע ער האָט געבראַכט פון פּוילן צו קרובים אין אַמעריקע, איז געווען איבער 30.000.

גלייך נאָך דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה האָט ער געאַרבעט אין די פאַרשיידענע הילפס-קאָמיטעטן אין ניו-יאָרק. אַזוי איז ער געווען מיטגליד פון די פאָלגנדע עקזעקוטיוועס: פון אַמעריקאַן דזשואיש רעליעף-קאָמיטעט; פון צענטראַל רעליעף-קאָמיטעט; פון פּיפּלס רעליעף-קאָמיטעט און פון דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט.

אין 1918 האָט ער אַריבערגעפירט די אַמעריקאַנער ציוניסטישע מעדיצינישע

עקספּעדיציע (איצט „הדסה“) פון אַמעריקע קײן ארץ-ישראל און איז געװען דער אַמעריקאַנער מיטגליד אין דער ציוניסטישער קאָמיסיע (ועד הצירים) ביז 1920.

אין 1923 איז ער געװאָרן אױסגעקליבן אַלס דער אײראָפּעאישער פאַרשטײער פון „היאַס“ אין אײראָפּע און געקומען קײן װאַרשע. ער האָט דאָן אָרגאַניזירט די איבערװײזונג פון אַמעריקאַנער געלטער קײן אײראָפּע און האָט אױך אָנגעפירט מיט דער עמיגראַציע-אַרבעט ביזן סוף 1924, װען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קײן אַמעריקע. געװען אין ארץ-ישראל א. א.

סאָקאָלאָװסקי זאב. געבאָרן אין יאָר 1880 אין לידע. געלערנט אין חדר, ישיבה, קאָמערץ-שול. געװען בוכהאַלטער אין פאַרשײדענע האַנדלס- און אינדוסטריע - אונטערנעמונגען. 1919—1922 לאַװניק אין לידער מאַגיסטראַט. 1921—1923 סעקרעטאַר פון לידער ייד. הילפס-קאָמיטעט. מיט דער גרינדונג פון דער לידער ייד. קאָאָפּעראַטיװער פאָלקס-באַנק אין יאָר 1922 ביז איצט דירעקטאָר פון דער באַנק. מיטגליד פון פאַרװאַלטונג פון דער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיװער פאָלקס-באַנק אין װילנע.

אין 1898 געגרינדעט די געזעלשאַפט „שוקדי מלאכה“ אין לידע, װעלכע האָט עקסיסטירט ביז דער מלחמה און האָט ערצויגן אין אַ פאַך איבער 100 קינדער. 1919—1928 ערנאַמטלעכער פאַרװאַלטער און אָנפירער פון לידער יתומים-הויז. אין משך פון די יאָרן איז ס. אויך געװען פאַרטרעטער פון „יעקאָפּאָ“ פאַר די ענינים פון הײמלאָזע, עמיגראַציע און יתומים-פאַרזאָרגונג אין לידע. זיך באַטײליקט אין דער צװײטער געגנט-קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ“ אין װילנע אין דעצעמבער 1921 אַלס דעלעגאַט פון לידע און אויף דער דריטער קאָנפערענץ אין יאָר 1924 איז ער אויסגעװײלט געװאָרן אַלס מיטגליד פון פּלענום פון „יעקאָפּאָ“.

פון 1897 טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לידע. 1915—1925 פאַרזיצער פון לידער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פון 1925 ביז איצט—װיצע-פאַרזיצער. 1922—1926 פאַרזיצער פון לידער „תרבות“ און פון 1926 ביז איצט—װיצע-פאַרזיצער. 1920—1927 געװען 7 יאָר מיטגליד פון לידער שטאָטראַט.

ענדעלמאַן מאָריצי, אַדװ. געבאָרן אין קאַליש אין יאָר 1872. פון דער מוטערס צד שטאַמט ער פון ר׳ עקיבא אײגער *).

גענדיקט גימנאַזיע אין פּלאָצק און דעם יורידישן פאַקולטעט פון װאַרשעװער אוניװערסיטעט אין יאָר 1893. אין די גימנאַזיע-יאָרן געלערנט יידישע למודים און העברעאיש אינדערהײם בײַ אַ פּריװאַטן לערער.

צוליב די צאַרישע באַגרענצונגען געװאָרן אַדװאָקאַט ערשט אין יאָר 1906. פּראַקטיצירט אין װאַרשע.

אָרגאַניזאַטאָר און ערשטער פּרעזעס פון דער לאָזשע בני-ברית אין װאַרשע. אין די יאָרן 1928—1920 פּרעזעס פון דער צענטראַלע פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין קאָנגרעס-פּוילן און פון יאָר 1929 װיצע-פּרעזעס פון פאַרבאַנד פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן. מיטגליד פון דירעקטאָריום פון קרן-היסוד אין פּוילן. אײנער פון די צװײ פּרעזעסן פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער אַגענץ אין פּוילן.

פּראָװאַלסקי אברהם יוסף. געבאָרן אין יאָר 1895 אין װאַרשע. העברעאיש און גמרא געלערנט אינדערהײם. געענדיקט די װאַרשעװער האַנדלס-שול, שטודירט אין פּאַריז (װוּ געגרינדעט די ערשטע אַקאַדעמישע ל״י און שפּאָר-קאַסע) און אַבסאָלװירט דעם װאַרשעװער אוניװערסיטעט.

אָנהייב מלחמה טעטיק אַלס ערן-פאַרװאַלטער פון דעם הײם פאַר הײמלאָזע בײַם װאַרשעװער „הזמיר“. אין 1915 געשאַפן די „ערשטע יידישע אַקאַדעמישע הײם און קיך“ אין װאַרשע. שפּעטער פאַרזיצער פון װאַרש. „אַקאַדעמישער הײם“. 1915—1916 הויפּט-סעקרעטאַר פון קרן-קימת-צענטראַלע אין פּוילן. 1916—1917 גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער װאַרשעװער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. 1918 מיטשעפער פון דער צעירי-ציון-אָרגאַניזאַציע אין פּוילן און מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט: רעדאַקציע-מיטגליד און פאַרװאַלטער פון דער „באַפרײַאונג“ (1914—1919). אין יאָר 1922 אַרױסגעטראָטן פון דער פּאַרטײ צוליב איר קעגנערשאַפט צום נאַציאָנאַליסטן-בלאָק. פון יאָר 1928 מיטגליד פון דער ציוניסטישער אַרבעטס-פּאַרטײ „התאחדות“.

פון 1920 ביז 1922 געאַרבעט אין „דזשוינט“ אַלס רעװידענט און אינסטרוק-טאָר פון קאָאָפּעראַציע. לײטער פון דער אָפּטײלונג פאַר קאָנגרעס-פּוילן און ביוראָ-שעף פון דער װידעראױפבױ-אָפּטײלונג.

1924—1926 דירעקטאָר פון „צענטראַלן יידישן האַנטװערקער-פאַרבאַנד“ אין פּוילן (װאַרשע); מיטגעהאָלפן דורכצופירן די פאַראײניקונג און קאָנסאָלידאַציע פון די יידישע האַנטװערקער-אָרגאַניזאַציעס. גלײכצײטיק געװען רעדאַקטאָר פון דער „האַנטװערקער-צײטונג“. אין 1921 רעדאַגירט דעם „האַנטװערקער-אַלמאַנאַך“. מיטגרינדער און פּרעזידיום-מיטגליד פון „אויקוליום אַקאַדעמיקום יודאַיקום“. 1922—1930 גרינדער און פאַרזיצער (ביז 1929) פון דער ערשטער יידישער אַקאַדעמישער באַנק אין װאַרשע. מיטגליד פון לאַנד-דירעקטאָריום פון קרן-קימת-לישראל. מיטגליד פון דער פּוילישער אָפּטײלונג פון דער עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישער סעקציע פון „ייװאָ“. מיטאַרבעטער פון „הײנט“ (װאַרשע) און „מאָרגן“ (לעמבערג). שרײַבט אויך אונטער די פּסעװדאָנימען א. אפרימזאָן, א. בן-אפרים, א. י. פּ.

אין 1919 צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן צוזאַמען מיט ח. דאָרפמאַן דעם פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיװע געזעלשאַפטן אין פּוילן, װעלכער איז געגרינדעט געװאָרן דעם 28 פעברואַר 1921. 1921—1924 די-רעקציע-מיטגליד פון פאַרבאַנד. 1924—1925 מיטגליד פון אויפזיכטס-ראַט. אין מאַי 1921 אַרױסגעגעבן צוזאַמען מיט ש. סטופּניצקי „די יידישע װירקלעכקײט“ אַלס ערשטן אָרגאַן פון פאַרבאַנד (דערשינען נאָר אײן נומער).

אָנהייב 1923 אָנגעהויבן אַרױסגעבן די „קאָאָפּעראַטיװע באַװעגונג“ אַלס אָרגאַן פון קאָאָפּעראַטיװן פאַרבאַנד און איז דער רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן ביז אויף הײַנטיקן טאָג. פון 1928 ביז איצט רעדאַגירט ער אויך דעם צװײטן אָרגאַן פון פאַרבאַנד „פאַרן פאָלק“. מחבר פון קאָאָפּעראַטיװן „טאַשן-לוח“ (1928, 1929, 1930) און פון דער פאַרבאַנדס-סטאַטיסטיק פון קאָאָפּעראַטיװן פאַרבאַנד (1928, 1929). פון יאַנואַר 1929 סעקרעטאַר פון דירעקטאָריאַט פון פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיװע געזעלשאַפטן אין פּוילן (װאַרשע).

קליאַנסקי אורי. געבאָרן אין יאָר 1898 אין דונילאָװיטש (װילנער גוב.) אין אַ פרומער נגידישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, בײַ פּריװאַטע לערער אין מינסק. געענדיקט די װילנער קאָמערץ-שול, שטודירט יוריספּרודענץ אין פּעטערבורגער אוניװערסיטעט, אָבער צוליב דער רעװאָלוציע אין רוסלאַנד געמוזט איבעררײַסן דאָס שטודיום.

נאָך יינגלווייז אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צום קולטור-לעבן. צוזעענדיק די נגישות פון דער צאַרישער מאַכט צו דער

---

*) צווישן די ירושה-זאַכן געפינען זיך בײַ אַדוו. ענדעלמאַן: אַ קלײנע ספר-תורה, װעלכע ר׳ עקיבא אַ גער פלעגט מיט זיך מיטנעמען אין װעג, אַ מערקװירדיקער כתר׳ל, לוחות און אַ יד (אויף די לעצטע צװײ איז באַצײכנט דער יאָר תקנ״ד).

אונטערערדישער פּוילישער פאָלקס-בילדונג, האָט ער אַ לאַנגע צייט פאַרשפּרייט אומלעגאַל דעם פּוילישן „בוקוואַר“ צווישן די באַקאַנטע פּויערים, וואָס פלעגן קומען אין שטעטל אויף אַ מאַרק-טאָג. שפּעטער, אין די עלטערע שול-יאָרן, איז ער געשטאַנען בראָש פון אַ גרופּע נאַציאָנאַל-געשטימטע שילער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די קרייזעך ביי די ווילנער מיטל-שולן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט שטודירן ייִדישע ליטעראַטור, געשיכטע, ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. אין יענער צייט געגרינדעט (צוזאַמען מיט מרים מאַרגאָלין, דער טאָכטער פון אַרויסגעבער פון „הזמן“) אָוונט-קורסן (אומלעגאַלע) פאַר אַרבעטער אין דער ווילנער פאַרשטאָט — נאָוואָגראָד — וואו ער האָט אונטעררינכטעט ייִדיש און אַריפמעטיק. נאָך פאַר דער צאַרישער אָרדענונג, בעת ער האָט צייטווייליק פאַרביטן דעם פאַרוואַלטער פון דער דונילאָוויטשער רוסיש-ייִדישער פאָלקס-שול, האָט ער דאָרט אונטעררינכטעט די לימודים אויף ייִדיש.

אין די יאָרן 1915—1918 האָט ק. געאַרבעט אין פּעטערבורגער „אָזע“ און „יעקאָפּאָ“ (אין ראַיאָן גלובאָקע—פּאָלאָצק). אין יאָר 1919 האָט ער געגרינדעט און צייטווייליק אָנגעפירט מיט אַ פאָלקס-שול און אָוונט-קורסן אויף דער גלובאָקער פראָנט-ליניע. אין יאָר 1918 געאַרבעט אַלס לערער אין דער פאָלקס-שול „מפיצי השכלה“ אין פּאָלאָצק און גלייכצייטיק געווען פאַרוואַלטער פון דער פאָלקס-שול אין קאָבאַק (אַ פאַרשטאָט ביי פּאָלאָצק), זיך באַטייליקט אַלס מיטגליד פון פּאָלאָצק-וויטעבסקער ראַיאָן-קאָמיטעט אין דער פּאַרטיי פון די „פּאַראייניקטע“ (ס. ס. און י. ס.) און געווען פון זיי אַ קאַנדידאַט צו דער ייד. גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. אין יאָר 1920 האָט זיך ק. אומגעקערט קיין פּוילן, איז געווען אַ מיטגליד פון צ. ב. ק. און לערער אין דער ראַטנער · אָוונט · שול אין ווילנע, דריי יאָר געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון ווילבי״ג (ווילנער בילדונגס-געזעלשאַפט), אָבער באַזונדערס אינטענסיוו אַרבעט ער אין דער שול-אָרגאַניזאַציע פאַר ווילנער פּראָווינץ, בראָש פון וועלכער ער שטייט אַלס מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון יאָר 1921 ביז אויפן היינטיקן טאָג. אין יאָר 1929 אויסגעקליבן אַלס פאַרטרעטער אין ווילנער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט“.

גלייך נאָך זיין קומען קיין ווילנע אין יאָר 1920 האָט ק. אָנגעהויבן אַרבעטן אין געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“. אין משך פון די יאָרן 1920—1924 געווען אַ באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאָ“ פאַר ענינים פון היימלאָזע, אויפבויאונג פון חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער און יתומים-פאַרזאָרגונג, האָט פאַרוואַלטעט מיטן ערשטן אויפבוי-ראַיאָן. פון סוף יאָר 1921 ביז אויף היינטיקן טאָג איז ק. אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „יעקאָפּאָ“. פון יאָר 1926 אַרבעט ק. אַלס אינספּעקטאָר אין דער עקספּאָזיטור פון פאַרבאַנד פון די ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן ביי דער צענטראַלער ייד. קאָאָפּ. פאָלקסבאַנק אין ווילנע.

ראָזאָווסקי ישעיהו. געבאָרן אין ווילנע אין יאָר 1885. געלערנט אין חדר, געענדיקט די האַנדלס · שול אין ווילנע. 1907—1909 געדינט אין מיליטער אין צאַריצין, וואו מוטיק אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַנטיסעמיטישער האַנדלונג פון זיין ראָטע-אָפיציר, פאַר וואָס געוואָרן אַרעסטירט און געהאַט איבער זיך אַ שווערן פּראָצעס, אָבער אַדאַנק דער פאַרטיידיקונג פון מיליטערישן אַדוואָקאַט באַקומען אַ מילדערע שטראָף (אויפן פּראָצעס איז אויך בייגעווען דער באַקאַנטער ייִדישער אַדוואָקאַט קאַלמאַנאָוויטש פון סאַראַטאָוו). אומקערנדיק זיך פון מיליטער, געאַרבעט אין אַ האָלץ-פירמע אין ווילנע. פון ערב דער דייטשער אָקופּאַציע און אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע 1915—1918 געווען קאָמיסאַר פון דער שטאָטישער בירגער-מיליץ אין ווילנע. אין יאָר 1920 בעת דער ליטווישער הערשאַפט איז ר. געווען געהילף-פּאָליצמייסטער פון שטאָט ווילנע און צוזאַמען מיט די ליטווינער אַוועק קיין קאָוונע, וואו אַ געוויסע צייט פאַרבליבן ביים טיטל, דערנאָך געווען אַ הויכער באַאַמטער אין ליטווישן אינערן-מיניסטעריום. אויך געווען שעף פון ביוראָ ביים ייִדישן מיניסטעריום (ש. ראָזנבוים) אין ליטע און ביוראָ-שעף פון דער ייִדישער פראַקציע אין ליטווישן סיים. די לעצטע יאָרן איז ר. פאַרוואַלטער פון „היאַס“ („היקעם“) אין קאָוונע, וועלכן אַמט ער פאַרנעמט זינט דעם אָפּפאָר פון י. טשערניכאָוו אין יאָר 1924.

1919—1920 האָט ר. געאַרבעט אין „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע, וואו ספּעציעל זיך פאַרנומען מיט די ענינים פון קינדער-דערנערונג און א. ק. פּ. ד., היימלאָזע און באַציאונגען מיט דער מאַכט.

שפּילבערג ליב. געבאָרן אין אָסטראָג (וואָלין) אין יאָר 1892. געלערנט אין חדר, גימנאַזיע. שוין פון די יוגנט-יאָרן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. אין די יאָרן 1915—1918 געווען אויף מלחמה, אויפן עסטרייכישן פראָנט. אין יאָר 1918—1919 וויצע-פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג פון אָסטראָגער קהילה. פון 1919 סעקרעטאַר פון הילפס-קאָמיטעט אין אָסטראָג, פון יאָר 1921 אַריבער צו דער יתומים-אַרבעט צוערשט אין אָסטראָג און דערנאָך פון יאָר 1923 סעקרעטאַר און פון יאָר 1925, נאָכן אָפּפאָרן פון ש. שרייער קיין א״י, פאַרוואַלטער פון דער יתומים-צענטראַלע אויף וואָלין (ראָוונע). באַטייליקט אין די זיצונגען פון פּלענומס פון פאַרבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן (וואַרשע) אַלס פאַרטרעטער פון דער וואָלינער צענטראַלע צוזאַמען מיט איר פאָרזיצער (און מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד) ח. ווייץ (לוצק) און אירע מיטגלידער י. בערלינער, א. דענענבערג, פרוי ר. בערלינער (ראָוונע) א. א. און וועלכע ציילט אַ ריי איבערגעגעבענע יתומים-סוער. ווי רייצע לעווין (קאָוועל), פרוי קרעמענעצקאָ (קרעמענעץ) א. א.

די אויבן-געבראַכטע 102 ביאָגראַפיעס זיינען צונויפגעשטעלט (אויפן יסוד פון מאַטעריאַלן פון די ערשטע קוועלן) דורך מ. שאַליט. פון די ווייטערדיקע 9 גרעסערע ביאָגראַפיעס איז דער מאַטעריאַל וועגן ר׳ חיים עוזר צונויפגעשטעלט דורך א. י. גראָדזענסקי, וועגן הרב י. רובינשטיין דורך ש. ל. ציטראָן און וועגן א. פּאַרליסטיעווסקי דורך מ. שאַליט. די הוספה-ידיעות וועגן ע. מאַירסאָן האָבן מיר באַקומען דורך ה׳ רפאל שערעשעווסקי. רעד.

גרעסערע ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן און אויטאָביאָגראַפיעס

(די לעבנס-געשיכטע פון כלל-טוער, זייער אַרבעט און תקופה).

גומענער אליהו, אדוו. איך בין געבאָרן געוואָרן אין אַ בעלי-בתישער משכילישער משפחה אין מאַריאַמפּאָל, סובאַלקער גוב. דעם 1 פעברואַר 1884. פון 5 יאָר האָט מען מיר אָפּגעגעבן אין אַ חדר, אין וועלכן איך האָב פאַרבראַכט ביז דעם 12-טן יאָר פון מיין לעבן. נאָכדעם האָב איך זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער גימנאַזיע. אין יענער צייט האָט זיך ביי ייִדן באַמערקט אַ באַזונדערע תשוקה צו בילדן די קינדער אין גימנאַזיעס (סוף 19-טן יאָרהונדערט), קיין פּריוואַטע גימנאַזיעס זיינען נאָך אָבער ניט

געווען. מאריאמפאל, וואו די רוסישע רעגירונג האט אין מיטן פאריקן יארהונדערט געשאפן א גימנאזיע צוליב רוסיפיקאטארישע צוועקן (מאריאמפאל געפינט זיך אויף דער גרענעץ צווישן פוילן און ליטע), האט פון שטענדיק צוגעצויגן פרעמדע, וועלכע האבן זיך באמיט אנקומען אין גימנאזיע.

אויך מיר איז אויסגעקומען צו פירן א קאמף פארן אנקומען אין גימנאזיע. וואס האט זיך מיר איינגעגעבן ערשט אין יאר 1905, אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואלוציע. די גימנאזיע האב איך געענדיקט אין יאר 1907 און בין אנגעקומען אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט אויף דעם יורידישן פאקולטעט. אין אוניווערסיטעט בין איך כמעט די גאנצע צייט באפרייט געווארן פון שכר-למוד און אפילו באקומען א סטיפענדיע.

אין יאר 1912 האב איך געענדיקט פעטערבורגער אוניווערסיטעט מיט דער ערשטער קאטעגאריע. נאר מיט אייניקע חדשים פאר מיין ענדיקן איז ארויס די געוויסע דערקלערונג פון סענאט, אז א ייד, וועלכער ענדיקט אוניווערסיטעט מוז כדי זיך צוצושרייבן צו אן אדוואקאט אלס געהילף, באקומען דערויף אן ערלויבעניש פון יוסטיץ-מיניסטער. ביז דאן האט א ייד געדארפט אזא באשטעטיקונג, ווען ער האט געוואלט ווערן אן אדוואקאט אדער באקומען א צייגנים צו פירן פרעמדע ענינים. דער מיניסטער איז דאן געווען דער באוואוסטער רעאקציאנער און אנטיסעמיט שטשעגלאוויטאוו און עס איז פארשטענדלעך, אז ער האט קיין יידן ניט דורכגעלאזן. און ווען נאך אזוי פיל מאטערניש, האט זיך איינגעגעבן א יידן צו ענדיקן איינע פון די בעסטע הויכשולן אין געוועזענעם רוסלאנד מיט דער ערשטער קאטעגאריע, זיינען דאך די טירען פון אדוואקאטור געווען פאר אים געשלאסן און מ׳האט געדארפט קלערן וועגן וואס אנדערש.

איך האב דאן זיך געפונען ביי מיין פאטער אין ווילנע, וואוהין ער איז אריבערגעפארן פון מאריאמפאל. האבנדיק א גרויסע שטרעבונג צו געזעלשאפטלעכער ארבעט, ווער איך ביסלעכווייז אריינגעצויגן אין איר און הויב אן ארבעטן אלס פראפעסיאנאל. מיט דער ארבעט האב איך זיך פארנומען כמעט אין משך פון 12 יאר, ד. ה. פון 1913 ביז 1925.

פון 1925 באזעץ איך זיך אין נאוואגרודעק, וואו איך פראקטיציר אלס אדוואקאט.

*

מיט געזעלשאפטלעכער און פארטייאישער ארבעט האב איך זיך אנגעהויבן צו פארנעמען זייער יונג, כמעט פון 14—15 יאר. זייענדיק א יונגערמאן פון 17—18 יאר, גיב איך זיך אפ מיט ציוניסטישער ארבעט און א געוויסע צייט שטיי איך אפילו בראש פון א ציוניסטישן קרייזל אין מאריאמפאל „בר-כוכבא“. איך אינטערעסיר זיך אויך דאן מיט גרינדן א ביבליאטעק, סטאטיסטישע און עקאנאמישע פראגן.

1906 גיי איך אריבער צו פועלי-ציון און נאכדעם צו ס. ס. אין זעמענס רייען איך פארבלייב ביז 1917, נאכדעם ארבעט איך צווישן די „פאראייניקטע“ ביז 1920. פון יענער צייט געהער איך צו קיין פארטייען ניט.

אין די סטודענטישע יארן ארבעט איך אין פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין ווילנע און פעטערבורג.

נאך דעם פארענדיקן די אוניווערסיטעט הויב איך אן ארבעטן אין ווילנע אלס סעקרעטאר אין „עמיגראציע-געזעלשאפט“, איך ארבעט אויך אין ווילנער געגנט-קאמיטעט פון סוחרים-פאראיין און סטאטיסטישע געזעלשאפט.

מיט דעם אויסברוך פון מלחמה פאראינטערעסיר איך זיך מיט דעם גורל פון די היימלאזע און אלס פארזיצער פון „רעגיסטראציאנס-ביורא“ (היימלאזע-קאמיטעט) ארגאניזיר איך שטיצע פאר די היימלאזע אין ווילנע. נאך דעם באוואוסטן ארויסשיקן פון די יידן פון קאוונער קאנט, פאר איך ארויס אלס באפולמעכטיקטער פון פעטערבורגער צענטראלן קאמיטעט „יעקאפא“ ארגאניזירן הילף פאר די היימלאזע. ביי דער ארבעט, אלס באפולמעכטיקטער פון פעטערבורגער „יעקאפא“, פארבלייב איך ביז 1917. צום אנהייב ארבעט איך אין יעקאטערינאסלאווער, נאכדעם אין פאדאליער און בעסאראבער גובערניע און א קורצע צייט אין דווינסק. הארבסט 1917 גיי איך אריבער ארבעטן אין פארטיי „פאראייניקטע“ ביי די וואלן צו דער גרינדונגס-פארזאמלונג, וואוהין ס׳איז אויך ארויסגעשטעלט געווארן מיין קאנדידאטור. אין זעלבן יאר ווער איך אויסגעקליבן אלס לאוויניק (משלען אופראווי) און א געוויסע צייט אלס ממלא מקום פון שטאט-גאלאווא אין קאמעניעץ-פאדאלסק.

אין דער צייט פון העטמאן פארלאז איך מיין פאסטן, שרייב זיך צו צום אדוואקאטן-שטאנד און הויב זיך אן פארנעמען מיט אדוואקאטור, זיך אינטערעסירנדיק גלייכצייטיק אקטיוו מיט דעם ארטיקן געזעלשאפטלעכן לעבן. די איבערקערענישן אין יענער געגנט, איבערהויפט די פאגראמען, האבן מיר ניט געגעבן די מעגלעכקייט זיך פארנעמען פריי מיט מיין פאך.

אנהייב 1919 הייבן זיך אן אין פאדאליע, וואו איך האב זיך געפונען, די שרעקלעכע פאגראמען (פראסקוראוו, פעלשטין און אנדערע). איך נעם אן דאן דעם פארשלאג פון „רויטן קרייץ“ — פאקטיש יידישער קאמיטעט צו העלפן די געליטענע פון פאגראמען — און איך ארבעט אין ווינניצער און פראסקוראווער ראיאן. קומענדיק צוריק אין קאמעניעץ, ארבעט איך אלס פארזיצער פון קאלעגיע צו העלפן די געליטענע פון פאגראמען אין יענעם טייל אוקראינע (פאדאליע, וואלין און א טייל קיעווער גוב.) און אלס שטעלפארטרעטער פון דירעקטאר פון דעפארטאמענט פון יידישן מיניסטעריום. אין 1920 ארבעט איך, בעת די פוילישע מאכט פארנעמט פאדאליע, אין יידיש-אמעריקאנער קאמיטעט (דזשוינט). האב איך דעם פעריאד באשריבן אין מיין בוך: „א קאפיטל אוקראינע“ *).

אין 1921 יאר פארלאז איך אויף שטענדיק אוקראינע.

קומענדיק צוריק אין פוילן, ארבעט איך צום אנהייב אין ארבעטער-עמיגראציע-פאראבאנד אין ווארשע. נאכדעם גיי איך אריבער אין יתומים-אפטיילונג פון „דזשוינט“, וואו צום אנהייב ארגאניזיר איך די ארבעט אין ביאליסטאקער ראיאן, נאכדעם אינספעקטיר איך די ארבעט אין טשעכאסלאוואקיי און לאטוויע. אין 1922 — אין ווילנער ראיאן.

אין יאר 1923 ווער איך איינגעלאדן פון „דזשוינט“ אנצופירן מיט דער יתומים-ארבעט אין גאנץ פוילן און אלס פארזיצער פון קאלעגיע פארבלייב איך ביי דער ארבעט ביז סוף 1931, און איך קער זיך אום צו מיין פאך (ז. אויבן ז. 266 און 568—573. רעד.).

אין נאוואגרודעק שטיי איך בראש פון דער געזעלשאפט פאר יתומים-פארזארגונג, איך בין טעטיק אלס ראטמאן, מיטגליד פון סיימיק, פרנס אין קהילה און מיטגליד פון אייניקע געזעלשאפטן.

איך בין ביז איצט פארבליבן פארזיצער פון הויפט-קאמיטעט פון יתומים-פארזארגונג אין ביאליסטאק און אלס ערן-מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון פארבאנד פון די צענטראלעס פאר יתומים-פארזארגונג אין פוילן. (שוסטאקיטשער.)

גראדזענסקי ר׳ חיים עוזר. דער ווילנער רב הרב הגאון ר׳ חיים עוזר גראדזענסקי שליט״א איז געבארן אין יאר 1863 (תרכ״ג) אין שטעטל איוויע, ווילנער קרייז. זיין פאטער הרב ר׳ דוד שלמה זצ״ל איז געווען איוויער רב גאנצע פופציק יאר. אויך זיין זיידע, פון פאטערס צד, הרב

---

*) 2 יאר אין פאדאליע. פארלאג ב. קרעמנערק, ווילנע 1921. זייטן 168. מיט א ריי דאקומענטן. באשריבן אלס עד ראיה אין פערזאן, וואס איז געשטאנען אין רעכטן מיטן פון דארטיקן געזעלשאפטלעכן און פאליטישן לעבן, די בלוטיקע געשיכטע פון פאדאליע, פון אנהייב 1919 ביז אנהייב 1921.

רעד.

ר׳ משה אריה ליב זצ״ל איז געווען פריער רב אין אײשישעק און נאכדעם זיבן און דרײסיק יאר רב אין איוויע. אויך זיין על־טערזיידע פון פאטערס צד, הרב ר׳ אהרן זצ״ל איז געווען רב אין נאווארעדאק. הרב ר׳ חיים עוזרס מוטער רבקה עלקע ע״ה איז געווען פון דער באוואוסטער וואלקא־ווישקער משפחה איינהארן *). איר פאטער האט געהייסן ר׳ חיים עוזר איינהארן, וועמעס נאמען ס׳טראגט הרב גראדזענסקי.

שוין אין זיין פריער קינדהייט האט ער זיך ארויסגעוויזן אלס אן אויסערגעוויינלעך און זייער באגאבט קינד מיט שארפן שכל, בלינקער השגה און וואונדערלעכן זכרון. צו פיר יאר האט ער אנגעהויבן גיין אין חדר. זיין עלטערער שוואגער ר׳ יהודה לייב יאסטקאוו ע״ה, וועלכער איז נאך דאן געווען א יונגער איידעם אויף קעסט ביים איוויער רב, איז דער ערשטער אויפמערקזאם געווארן אויף דער ניט־געוויינלעכער באגאבטקייט פון קליינעם חיימל. איינמאל, אין ערב פסח, האט ר׳ יהודה לייב געלערנט מיטן קליינעם חיימל די פיר קשיות און דערציילנדיק אים די מעשיות פון דער הגדה וועגן די ארבעה בנים — אחד חכם, אחד רשע, ואחד תם ואחד שאינו יודע לשאל האט ר׳ יהודה לייב אין א שפאס א פרעג געטאן דעם קליינעם חיימל:

— נו, און וואס ביסטו, חיימל, א רשע?..

— ניין, א חכם! — האט מיט פאראיבל געענטפערט דער קליינער חיימל.

— פארוואס א חכם?

— ווייל איך הייס חיים, וואס איז בגימטריא מיט חכם איין מספר **).

פון דאזיקן דרייסטן ענטפער פון א פיר יעריק קינד האט מען זיך לאנג אין איוויע ניט געקענט אפוואונדערן.

שוין נאכן ערשטן זמן איז זיין רבי ר׳ חיים געקומען צום איוויער רב און געבעטן זיך מען זאל פון זיין חדר אפנעמען דאס קינד, ווייל ער האט שוין ניט וואס צו טאן מיט אים צוליב זיין געוואלטיקער פעאיקייט און צוליבן ניט קענען תמיד געבן א תשובה אויף די קשיות, וואס דער קליינער חיימל האלט אים כסדר אין איין פרעגן.

ווען דער קליינער חיימל איז אלט געווען זעקס יאר האט ער כסדר פארבראכט אין זיין פאטערס בית־מדרש, וואו ער פלעגט זיך מיט גרויס נייגעריקייט צוהערן צום לערנען פון די איוויער קיבוצניקעס ביז אין דער שפעטער נאכט אריין. אפטמאל, פלעגט אזייגער איינס ביינאכט קומען אין רבס שטוב דער מנהל פון קיבוץ בעטן זיך מ׳זאל שוין דעם קליינעם חיימל צונעמען אהיים שלאפן. און ס׳פלעגט טאקע אויסקומען אפט מיט געוואלד קוים אפרייסן דעם קליינעם חיימל פון די קיבוצניקעס און אים ברענגען צושלעפן אויף די הענט אהיים, וואו ער פלעגט באלד אויפן ארט איבערזאגן אויף אויסווייניק פאר זיין פאטער דעם גאנצן שיעור, וואס ער האט געהערט יענעם טאג לערנען ביי די קיבוצניקעס און דאס פלעגט אלעמען אריינברענגען אין גרויס התפעלות.

שוין דאן איז אין גאנצן איוויער אומגעגנט אוועק א שמועה, אז ביים איוויער רב וואקסט א זון א „עילוי“. פון די ארומיקע שטעטלעך האט מען זיך צוליב דעם אין יענע צייטן אנגעהויבן אפט צונויפפארן אנצוקוקן דעם „איוויער עילוי“. אבער די רביצין רבקה עלקע ע״ה האט מורא געהאט פאר אן עין הרע און פלעגט איר קליינעם חיימל באהאלטן פון א זייטיק אויג און אויסמיידן צו ריידן וועגן אים מיטן פרעמדן עולם.

אז חיימל איז אלט געווען אכט יאר האבן די איוויער קיבוצניקעס אפט געפועלט ביי אים, פאר א פאפיראסל, ער זאל ארויפגיין אויפן בימה און זאגן פאר זיי דרוש און חדושי תורה.

די שמועה וועגן „איוויער עילוי“ האט זיך וואס ווייטער פארשפרייט אין די ווייטסטע שטעטלעך פון יענעם קאנט. די רבנים פון די שטעטלעך האבן אנגעהויבן שיקן שדכנים צום איוויער רב, ער זאל זיין „עילוי“ פארקנסן פאר ווייערס א טאכטער. צו יענער צייט איז אין קארעליטש געווען רב דער באוואוסטער ר׳ אליהו פרוזשינער זצ״ל (שפעטערדיקער שווער פון פארשטארבענעם ווילנער שטאט־מגיד הרב ר׳ מנחם קראקאווסקי), וועלכער האט אויסגעפועלט ביים איוויער רב, ער זאל צו אים אריבערשיקן זיין גאט־געבענטשט קינד, כדי מיט אים צוזאמען לערנען תורה. צו 9 יאר האט טאקע ר׳ אליהו פרוזשינער אראפגעבראכט צו זיך דעם „איוויער עילוי“ און א גאנץ יאר מיט אים צוזאמען פארבראכט אין לערנען און דאן געשריבן צום איוויער רב, אז זיין קליינער חיימל דארף זיך ניט לערנען אויף רב, מחמת ער איז פון זיך אליין שוין א געבארענער רב, און ניט קענענדיק זיך אפלויבן פון קינדס מעלות און לערנען, האט דער פרוזשינער פארגעלייגט דעם איוויער רב זיך מתחתן צו זיין מיט אים.

דערציילט מען, אז דעמדאזיקן פארשלאג האט דער איוויער רב ניט געקאנט אננעמען, מחמת דער איוויער רב האט דעם קארעליטשער רב אויסגעזאגט א „סוד“, אז ווען ער איז נאך געווען א תלמיד ביי ר׳ ישראל סאלאנטער האט ער געגעבן א תקיעת כף צו איינעם פון זיינע גייסטיקע חברים אין לערנען, צום זון פון ר׳ איצעלע שירווינטער, ר׳ אליהו לייזער גראדזענסקי, דעם איידעם פון ר׳ ישראל סאלאנטער, אז באם ביי זיי וועלן געבארן ווערן פאסיקע קינדער זאלן זיי זיך מתחתן זיין און היות ר׳ אליהו לייזער האט טעכטער מוז ער דעריבער מקיים זיין דעם תקיעת־כף.

צו עלף יאר איז ר׳ חיים עוזר אוועקגעפארן לערנען צו די אײשישקער פרושים. פון דארט האט מען אים אין א יאר ארום צוריק אפגעשיקט אהיים מיט א בריוול צום איוויער רב, אז פאר זיין זון חיים זיינען צו קליין די קליינשטעטלדיקע קיבוצים און ישיבות, מחמת ער איז באשאפן פאר גאר גרויסע ישיבות לויט זיינע ידיעות אין לערנען.

ס׳איז דעריבער געבליבן מען זאל חיימען שיקן אין דער בארימטער וואלאזשינער ישיבה.

און נאך פאר בר־מצוה האט מען דעם קליינעם חיימען אויסגעריכט קיין וואלאזשין אין דער ישיבה אריין.

דערציילט מען וועגן דער דאזיקער נסיעה ר׳ חיים עוזרס אין דער וואלאזשינער ישיבה פאלגנדעס: דער איוויער רב האט זיין זון מיטגעגעבן א בריוו צו א באקאנטן רב פון א דערבייאיק שטעטל אויפן וועג קיין וואלאזשין. יענער זאל פון זיין זייט מיטגעבן חיימען א התקרבות־בריוול צום דעמאלטיקן וואלאזשינער ראש־הישיבה ר׳ הירש לייב בערלין ***). ווען דער בעל־עגלה האט דעם 13 יאריקן חיימען געבראכט אין יענעם שטעטל צום רבס שטוב, איז דער רב נאך ניט געווען געקומען פון דאווענען, הגם ס׳איז שוין געווען שפעט נאך תפילת שחרית. חיים איז דאן אוועק אויפזוכן דעם רב אין בית־מדרש. דארט האט ער געטראפן אין מזרח אן אלטן זיבעציק־יאריקן יידן, א הויכן, מיט א לאנגער גרייז־גראער בארד.

---

*) דער יידישער דיכטער דוד איינהארן איז א קוזין פון הרב ר׳ חיים עוזר. זיין פאטער ר״ר ר׳ בנימין איינהארן ע״ה איז געווען א ברודער פון הרב ר׳ חיים עוזרס מוטער רבקה עלקע ע״ה.

**) חיים איז לויטן מספר 68 און חכם אויך דאס זעלבע.

***) פאטער פון איצט באקאנטן מזרחי־פירער הרב ר׳ מאיר בערלין, וועלכער האט זיך גערופן דער „נציב“.

איבערגעדעקט מיטן טלית און תפילין איבערן קאָפּ, שטייענדיק שמונה-עשרה. ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן ביז דער אַלטער רב וועט אויסגיין די שמונה-עשרה, האָט חיים זיך דערנענטערט צו אים און גענומען זיך דרייען אַרום אים, כדי דער אַלטער זאָל אים באַמערקן. זעענדיק אַן אומבאַקאַנטן בחורל זיך פּלאָנטערנדיק לעבן אים, וואָס האָט אים אגב געשטערט אין דאַווענען, האָט דער אַלטער בייז גענומען עפּעס אונטערברומען אונטערן נאָז און דער לאַנגער באָרד אַריין און טרייבן חיימען פון זיך מיט אַ הויכן גראָבן שטעקן, ער זאָל אַוועקגיין. בלית ברירה איז דער קליינער חיים אַרויס פון בית-מדרש און צוריק אַוועק צום רב אַהיים וואַרטן ביז יענער וועט קומען פון דאַווענען. די רביצין האָט אים אַריינגעפירט אין רבס חדר. דאָרט האָט זיך חיים אַוועקגעזעצט ביים רבס טיש, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט ספרים און גענומען אין זיי אַריינקוקן. אין האַנט איז אים געקומען עפּעס אַ ספר אין כתב-יד. און אַזוי ווי דער קליינער חיים האָט גענומען מעיין זיין אין געשריבענעם ספר האָט ער פון טיש גענומען די גענזענע פעדער, וואָס איז דאָרט געלעגן, אויפגעמאַכט דאָס פלעשעלע טינט און אָנגעהויבן גלייכצייטיק צו שרייבן עפּעס אויף די פאַרבליבענע ווייסע ברעגעס פון די פאַרשריבענע עמודים. ס'האָט געדויערט אַזוי אַ היפּשע צייט ביז אין שטוב איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלן דער בעל-עגלה מיט קולות, אַז ער קען מער ניט וואַרטן און אַז מען זאָל שוין פאָרן ווייטער. חיים האָט זיך אַריינגעזעצט אין בויד און אָפּגעפאָרן.

באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען פון דאַווענען דער אַלטער רב. אַריינגייענדיק צו זיך אין חדר און באַמערקנדיק, אַז אימיצער האָט זיך דאָ געפּאָרעט ביי זיינע ספרים און דערזעענדיק נאָך דערצו זיין כתב-יד מיט די צוגעשריבענע הגהות, האָט ער זיך צעשריגן אויף דער רביצין, למאי זי האָט אַריינגעלאָזט אין זיין חדר אַ פרעמדן בחורל „פּאַטשקענען" אויף זיין ספר. ענדלעך, באַרואיקנדיק זיך, האָט דער אַלטער אויף טשיקאַוועס גענומען לייענען, וואָס אַזוינס דער „פרעמדער בחורל" האָט דאָרט אָנגעשריבן אין זיין ספר און באַלד זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ מיט קולות: „ווער איז ער אָט דער גדול, אָט דער גאון? תיכף זאָל מען לויפן אים צוריק ברענגען!".

דעם רבס שמש האָט דעריאָגט די פור ווייט הינטערן שטעטל. דער בעל-עגלה איז געווען שטאַרק אין כעס און ניט געוואָלט זיך אומקערן פון מיטן וועג. לסוף האָט ער ביים בעל-עגלה געפּועלט און ער האָט חיימען ווידער צוגעפירט צום רבס שטוב. דער אַלטער רב איז חיימען אַרויס אַנטקעגן, אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און מיט פּאַטאָס געבעטן חיימען מוחל זיין פאַרן טרייבן אים מיטן שטעקן פון בית-מדרש. — „הרי אני כבן שבעים שנה — זיבעציק יאָר בין איך אַלט און האָב ניט געוואוסט, אַז איך זאָך טעותן אין לומדות, ערשט דו האָסט מיך די אויגן געעפנט"! האָט דער אַלטער אויסגערופן מיט אַ התפעלות צום 13-יאָריקן חיימען און באַלד דערויף געכאַפּט און אָנגעשריבן צום וואָלאָזשינער ראש-הישיבה, אַז דער „מוכ"ז וואַקסט אַ גאון בישראל".

אין וואָלאָזשינער ישיבה האָט ר' חיים עוזר פאַרבראַכט אַ האַלב יאָר. מען האָט אים אויך פון דאָרט צוריקגעשיקט מיט אַ בריוו, אַז ער האָט דאָרט ניט וואָס צו טאָן, מחמת ער שטייגט איבער די ישיבה מיט זיין לומדות.

צוריקקומענדיק אַהיים האָט זיך ר' חיים עוזר שוין פון 15 יאָר אָן פאַרנומען מיט שרייבן אייגענע חדושי תורה. צו 17 יאָר האָט ער זיך שוין געהאַט דורכגעשריבן אין האַרבע סוגיות מיט די דאַמאָלסטיקע שוין באַרימטע גאונים צו יענער צייט ר' ישראל סאַלאַנטער, ר' יצחק אלחנן, ר' חיים בריסקער א. א. אין זייערע תשובות צו אים האָבן זיי שטאַרק געריימט זיינע לומדות און שאַרפן מוח.

אַפּנים דער איוויער רב האָט טאַקע זיין תקיעת כף מיט זיין גייסטיקן יוגנט-חבר ר' אליהו לייזער געהאַלטן און צווישן „איוויער עילוי" און ר' אליהו לייזערס טאָכטער איז געשריבן געוואָרן תנאים.

ר' אליהו לייזער גראָדזענסקי איז מיט אַ יאָר עטלעכע און פערציק צוריק געווען דער הויפּט מורה-הוראה אין ווילנע. ווערנדיק אַ חתן פאַר זיין טאָכטער לאה ע"ה, איז ר' חיים עוזר איבערגעפאָרן קיין ווילנע און נאָכדעם, ווי ס'איז פאַרגעקומען די חתונה איז ער געבליבן ביים שווער אויף קעסט און זיך אָפּגעגעבן ווייטער אין לערנען און זייער אַ סך געשריבן חידושי תורה.

נאָכן טויט פון שווער האָט ר' חיים עוזר פאַרנומען אין ווילנע דעם כסא הרבנות.

דעם דאָזיקן פּאָסטן פאַרנעמט הרב ר' חיים עוזר שוין העכער פערציק יאָר.

באַלד ווי ר' חיים עוזר איז געוואָרן רב אין ווילנע האָט ער געגרינדעט ביי זיך אַ קיבוץ פון די פעאיקסטע לערנער, צונויפגעקליבן פון די ישיבות, וואָס האָט זיך גערופן „ר' חיים עוזרס קיבוץ". פון ר' חיים עוזרס קיבוץ זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן פיל פון די היינט-באַקאַנטע רבנים און לומדים אין דער יידישער וועלט, וועלכע האָבן צעטראָגן ר' חיים עוזרס שם ניט נאָר ווייט איבער די גרענעצן פון ירושלים דליטא, נאָר אויך ווייט איבער די גרענעצן פון געוועזענעם גרויסן רוסלאַנד, אין אייראָפּע, אַמעריקע, אַפריקע א. א. מקומות.

ביי היינטיקן טאָג איז הרב ר' חיים עוזר אין דער לומדישער וועלט דער גרעסטער אויטאָריטעט אין הלכה. זיינע חדושי תורה זיינען צעוואָרפן אין הונדערטער ספרים פון דער רבנישער ליטעראַטור, אין שאלות און תשובות פון פאַרשיידענע תלמודישע מחברים, אין פאַרעפנטלעכטע בריוו, „דברי תורה" און געדרוקטע הסכמות צו פאַרשיידענע ספרים. ער איז באַקאַנט אַלס קעגנער פון פלפול און אָנהענגער פון פשטות אין ענין פון לימוד התורה. ביי דער דאָזיקער שיטה האַלט ער זיך ביז היינטיקן טאָג.

ר' חיים עוזר האָט זיך ניט נאָר באַנוגנט מיט לומדישע און רעליגיעזע ענינים. זיין טעטיקייט האָט זיך געלאָזט שפּירן אויף אַלע געביטן פון ווילנער יידישן געזעלשאַפטלעכן און קהלשן לעבן. זיין הויז איז תמיד פול מיט רבנים, לומדים, כלל-טוער פון אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט סיי פון ווילנע, סיי פון דער פרעמד. פון דער גאַנצער וועלט ווענדעט מען זיך צו אים, ווער נאָך אַן עצה, ווער נאָך אַ שאלה, ווער ס'בעט אַן אויפקלערונג אין אַ שווערער סוגיה אין ים התלמוד, ווער ס'קומט נאָך אַ הסכמה אויף אַ ספר א. א. איר טרעפט אין זיין הויז יידן פון אַלע וועלטטיילן, איר קענט דאָרט אַמאָל באַגעגענען אַ טערקישן יידן שמועסנדיק אויף העברעאיש, אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַט, אַ דייטשן ראַבינער, אַ ענגלישן ראַביי א. אז. וו. פאַר אַלעמען געפינט ר' חיים עוזר צייט. דערצו נאָך קומט אים אויס אַליין מיט זיין אייגענער האַנט צו ענטפערן אויף הונדערטער בריוו, וואָס ער דערהאַלט דורך דער פּאָסט מכל תפוצות ישראל אָדער דורך עקסטרע שילוחים אין פאַרשיידענע יידישע ענינים סיי אַלגעמיינע, סיי רעליגיעזע. דאַרף מען וואו ערגעץ אַ רב, אַ שוחט, אַ מוהל און אַנדערע כלי קודש ווענדעט מען זיך צו הרב ר' חיים עוזר נאָך אַ קאַנדידאַט און ר' חיים עוזר באַזאָרגט שוין מיטן געהעריקן פּאַסיקן קאַנדידאַט צי דאָס איז אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן און ליטע, צי דאָס איז אין ווייטן רוסישן סיביר, צי דאָס איז ערגעץ אין ווייטן אַמעריקע, אַפריקע אָדער אויסטראַליע.

במשך די 40 יאָר, וואָס ר' חיים עוזר זיצט אויפן כסא הרבנות אין ווילנע, האָט מען זיך פיל מאָל געווענדעט צו אים פון פאַרשיידענע ערטער, דערינען אויך פון ארץ-ישראל, ער זאָל ווערן דאָרט רב. ר' חיים עוזר האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן ירושלים דליטא.

ווען אין 1907 האָט באַראָן גינזבורג ניט אַנדערש פאַרלאַנגט ר' חיים עוזר זאָל

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

וועגן פעטערבורגער רב, זיינען די ווילנער קהלשע טוער געקומען צו ר' חיים עוזרן מיט א פארטיקן כתב אויף ווילנער אב"ד. אבער ר' חיים עוזר האט זיך אנטזאגט אנצונעמען אט דעם טיטל צוליב דער תקנה, וואס ווילנער קהל האט אנגענומען מיט 150 יאר צוריק, אז אין ווילנע מאר ניט זיין קיין רב. גלייכצייטיק האט ער זיך אבער אויך אנטזאגט אנצונעמען דאס פעטערבורגער רבנות.

נאך דער ערשטער רעוואלוציע אין 1905, ווען אויף דער יידישער גאס האבן גענומען בלאזן פרייערע ווינטן און ס'האט זיך געשפירט א וויטשוועדיקייט אויך פאר ארטאדאקסישע יידן צו באטייליקן זיך אין פאליטישן לעבן, האט ר' חיים עוזר אין 1906 געגרינדעט די ארגאניזאציע „כנסת ישראל", וועלכע איז אבער שפעטער דורך סטאליפינען פארמאכט געווארן.

אין 1910 האט די צארישע מאכט צוזאמענגערופן אין פעטערבורג די היסטארישגעווארענע רבנים-קאמיסיע מיטן ציל צו געבן אן ענטפער אויף פיל פראגן פון יידישן רעליגיעזן לעבן, וועלכע האבן זיך במשך פון לאנגע יארן אנגעקליבן אין סענאט און געבליבן אן א באשייד. דער פארזיצער פון דער דאזיקער קאמיסיע אין איר אפטיילונג פאר רבנות-ענינים איז דאן געווען הרב ר' חיים עוזר.

מרב דער דייטשער אקופאציע איז ר' חיים עוזר געווען געצוואונגען צו עוואקוירן זיך קיין רוסלאנד, מחמת ס'איז געווען א גרונט, אז די דייטשן וועלן אים נעמען אלס ערבות-מאן. אין רוסלאנד האט ר' חיים עוזר פארבראכט א פאר יאר אין האמעל, יעקאטערינאסלאוו און אנד. שטעט פון אוקראינע און קרים, וואו ער האט פארצווייגט א ברייטע נעץ פון יידיש-רעליגיעזע שולן און ישיבות.

אין דער צייט פון דער קערענסקי-רעגירונג איז ר' חיים עוזר איינגעלאדן געווארן דורכן דאמאלסטיקן בילדונגס- און רעליגיע-מיניסטער קארטאשעוו אויף א באראטונג פון פארשטייער פון אלע רעליגיעס אין רוסלאנד וועגן געבן מער פרייהייטן די יערמאנטע רעליגיעס. די באראטונג איז אבער ניט צושטאנדגעקומען צוליב דער באלדיקער באלשעוויסטישער איבערקערעניש.

אין 1918 קערט זיך ר' חיים עוזר אום צוריק קיין ווילנע, וואו ער נעמט זיך ווייטער צו זיין טעטיקייט אין היגן קהלשן לעבן, גרינדעט דעם ועד העזרה, א נעץ פון רעליגיעזע שולן אונטערן נאמען „יבנה", וועלכע עקסיסטירן נאך ביז אויפן היינטיקן טאג.

צו יענער צייט זאמלט ר' חיים עוזר צונויף אלע זיינע חידושי תורה, וועלכע ער האט נאך געהאט אין כתב-יד. ברענגט זיי אין א סדר און פארעפנטלעכט אין צוויי גרויסע חלקים אונטערן טיטל „אחיעזר". אין די דאזיקע צוויי ספרים ווערן באהאנדלט א ריי שאלות ותשבות וועגן עגונות, גטין א. אז. וו. ווייטערדיקע „חידושים" ווערן נאך פארפארטיקט פאר נייע חלקים „אחיעזר".

אויף דער אלוועלטלעכער צווייטער „כנסיה" פון די ארטאדאקסישע יידן אין ווין אין יאר 1929 ווערט ר' חיים עוזר דערוויילט אלס אן ערן-פארזיצער פון דער „כנסיה" און אלס פארזיצער פארן אויסגעקליבענעם ועד פון „מועצה גדולי התורה".

די הויפט-ענערגיע אין זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט ווענדעט ר' חיים עוזר אן לעצטנס אויף חיזוק התורה און חיזוק הדת. צוליב דעם צוועק איז ער די לעצטע יארן געווען דער איניציאטאר פון פיל רבנישע צוזאמענפארן, האט געגרינדעט א ועד החינוך, א ועד הישיבות פאר גאנץ פוילן, האט מיטגעווירקט צו דער גרינדונג פון אגודת הרבנים אין פוילן, האט פאראייניקט אלע ווילנער רבנים אין א ועד, פון וועלכן ער איז דער יושב ראש און גייסטיקער פירער.

ר' חיים עוזר גראדזענסקי איז אויך מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע פון זיין אנטשטייאונג אין יאר 1919 אן ביז אויף היינטיקן טאג.

גיטערמאן יצחק. אין 1920 איז מיר געווארן 40 יאר.

פון דער ערשטער העלפט פון מיין לעבן, פון די ערשטע 17—אן יאר, ביז דער צווייטער העלפט, ליגט א מהלך פון א גאנצער תקופה. ווען איך וואלט אויבן ניט דערמאנט מיין עלטער, וואלט מען פון מיינע ערשטע לעבנס-יארן געקענט מיינען, אז איך בין אלט ניט 40 נאר 100 יאר און אויב איך האב פערזענלעך ניט געקאנט שלמה מיימון, האב איך אים יעדנפאלס געקאנט קענען.

כ'בין געבארן און אויסגעוואקסן אין א גרויסן גוט—יידישן הויף, א הויף מיט זין, איידעמס און אייניקלעך. אן אפגעזונדערטע וועלט, וואוהין ס'האבן זיך געצויגן טויזנטער חסידים. מיין זיידע, מיין מוטערס פאטער ר' מרדכי בער טווערסקי, איינער פון די גרעסטע רבים אויף אוקראינע, באקאנט אלס דער הארנאסטאיפאלער רבי (הארנאסטאיפאל איז א קליין שטעטל אין קיעווער גובערניע, וועלכע איז, דרך אגב, כמעט אינגאנצן חרוב געווארן אין דער צייט פון די פאגראמען)—איז אויך געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין דור, מחבר פון א סך ספרים אין לומדות און קבלה. וועגן זיינע מדות און צדקות זיינען נאך בחייו געשאפן געווארן לעגענדעס און ניט נאר ביי די טויזנטער חסידים, נאר אפילו ביי זיינע מקורבים און לייב-מענטשן איז געשאפן געווארן א מוראדיקע ערפורכט, א יראת הקודש צו זיין פערזאן. איך זאג „ערפורכט", „יראת הקודש", ניט האבנדיק קיין אנדערע מער טיפערע באצייכנונג פאר דער אומגלויבלעכער פארהייליקונג פון זיין פערזאן פון די אלע ארומיקע.

אומטעגלעך פאר איינעם פון אונזער מאדערנער געזעלשאפט, וועלכע איז געוואוינט צו די עקסיסטירנדע באציאונגען פון מענטש צו מענטש, וואס אפילו צו דעם אויסדערוויילטסטן, צו דעם גרעסטן און גייסטרייכסטן איז דאך די באציאונג ווי צו א מענטשן, ווי צו א גלייכן, צו פארשטיין די פארגעטערונג אין דער סביבה פון טויזנטער חסידים צו דעם רבין, צום צדיק. בנוגע צום זיידן איז דער באגריף פון קדוש עליון ביי די אלע ארומיקע געווען א בפועל-ממשדיקער. און זיין פערזאן האט ניט איבערטריבן ארויסגערופן ביי די חסידים א דערהויבענע מורא פאר זיין הייליקייט. אלטע חסידים פלעגן זאגן, אז זיי האבן ניט געזען בנוגע די אלטע גוטע יידן אזא ערפורכט. „ביים צמח צדק, ביי ר' מענדעלע ליובאוויטשער, פלעגט זאגן מיין רבי, דער טשאשניקער עלוי, האבן מיר אזוינס ניט געזען". פראפ. פישל שניאורסאן, וואס איז אויך פון אונזער משפחה, האט מיר אמאל געזאגט, אז נאר אין די אמאליקע דורות האט געקענט געשאפן ווערן אזא פארהייליקונג צו א פערזאן, ווי דאס איז געווען בנוגע דעם הארנאסטאיפאלער, ד. ה. מיין זיידן. ענלעכעס האט מיר אמאל געזאגט ח. נ. ביאליק, וואס איז אויסגעוואקסן אין זשיטאמיר, וואו ס'זיינען געווען א סך הארנאסטאיפאלער חסידים. צי האב איך מיינע קינדערשע פארשטעלונגען, מיינע אייגענע געפילן ניט פאראלגעמיינערט און זיי אנגענומען פאר א פארהייליקונג מצד אלע ארומיקע?

איך גלויב, אז ניין.

שטעלט זיך פאר: טויזנטער חסידים ציען זיך צום הויף, כדי זיך אויסטאן אויף א קורצער צייט פון זייער טאג-טעגלעכקייט און וואכעדיקייט און דורכדעם איז טאקע אין הויף די וואך כמעט מער ניט וואכעדיק. ווער רעדט אין א יומא דפגרא, א שבת און בפרט א יו"ט. יעדער יום-טוב ציט אן אנדער עולם חסידים. אויף שבועות קומען רבנים און לומדים. ראש-השנה — יראים, חסידים, וואס פלעגן פארן צום אלטן, פיל בלייבן דעם גאנצן תשרי און אנדערע אפילו ביידע חדשים אלול און תשרי. חסידים, וואס לאזן די פאמיליעס און קומען אויף פסח, חסידים, וואס קומען אלע שבת מברכים, חסידים, וואס קומען, ווען עס פארבענקט זיך און עס גיט א צי צום רבין און

דאס מאכט זיך אלע פאר חדשים. און יעדער איינער ברענגט אריין זיין אויסגעטאנקייט פון די וואכעדיקע טרדות, זיין נשמה־יתרה, די פונקען, וואס יעדער ברענגט מיט, פאראייניקן זיך אין ליכט, וואס לייכט און ווארעמט, ציען צו דעם ליכט טויזנטער יידן, גיט יעדער צו זיין פונק, לייכט די ליכט און ווארעמט ווייטער ממש סנה שאינו אוכל. איצט שטעלט זיך פאר אויף דעם פאן פון הויף מיט דער אטמאספער פון געלויטערטקייט און נשמה־יתרהדיקייט, וואו וואכעדיקע טעג האבן געהאט אין זיך א ניצוץ פון ימים־נוראים, דעם רבין, צו וועמען אלע הערצער ציען און פארכטן. דור נאך דור פון בעל־שם, ר׳ נחום טשערנאבילער, דעם ליאדיער רבי — דעם בעל התניא, פון קינדווייז אן עלוי. פון פיר אזייגער פארטאג האט קיינער ניט געזען פארלאשן די ליכט אין זיין חדר, אויסער דער נאכט פון ניטל ניט אויפגעהערט צו לערנען. א גאון, צו וועמען עס ווענדן זיך די מתנגדישע גדולים, געדרוקט ספרים אין נגלה און נסתר. א בעל־צדקה, וואס ער האט צעגעבן אלץ און אפט ניט געלאזט דער רביצן אויף שבת (די באבע, דווקא א טאכטער פון ר׳ חיים צאנזער, וואס האט געשטאט מיט זיין צדקה, איז ניט געווען זייער צופרידן פון דעם זיידנס פזרנות). שטעלט זיך דאס אלץ פאר און עס וועט אפשר ווערן טיילווייז פארשטענדלעך די יראת הכבוד, די גוואלדיקע ערפורכט צום זיידנס פערזאן, וואס איך האב אויבן דערמאנט.

איך דערמאן מיך: זייענדיק א חלוש כל ימיו פון ניט דערשלאפן. פון לערנען יומם ולילה, האבן אים דאקטוירים געהייסן א האלבע שעה — א שעה אין טאג פארן שפאצירן אויסערן שטאט. ווען דער זיידע פלעגט פאר מנחה ארויספארן די שטאט אין זיין קארעטע, פלעגט אויף א פאר מינוט ווי פארגליווערט ווערן די גאס. די יידן ווי די פויערים פון דער סביבה פלעגן זיך אויפכאפן און בלייבן שטיין אין דער זעלבער פאזע ביז די קארעטע פלעגט פארשוואונדן ווערן פון אויג.

און ווייטער: אויפן שפאציר פלעגן מיטן זיידן מיטפארן איינער פון די זין אדער איידעמס און אויף דעם בענקעלע אנטקעגן צוויי פון די אייניקלעך. מיר קליינווארג פלעגן שוין צווישן זיך היטן די ריי. דערמאן איך מיך: איינמאל איז קיינער פון די פעטערס ניט מיטגעפארן און דער זיידע האט מיך אנגענומען פארן הענטל און אויפגעהויבן פון בענקעלע און אוועקגעזעצט לעבן זיך. שטענדיק, טאג־טעגלעך מיטן זיידן צוזאמען, אבער זיצן גלייך לעבן זיידן און נאר מיר צווייען — איך בין א פארציטערטער געווארן. קיין ברירה ניט געהאט, אבער פארט ניט געקענט איינזיצן — האב איך זיך געמאכט, אז איך זיץ און געווען די גאנצע צייט אנגעשפארט אויף דעם אייזן פון דער קארעטע. עטלעכע טעג איז געווען ביי מיר געשוואלן די האנט און, פארשטענדלעך, קיינעם ניט געזאגט דערפון. אזוי גרויס איז געווען די יראת הכבוד פארן זיידן אפילו ביי אונז, קינדער.

ס׳שטייט פאר מיינע אויגן אזא בילד:

זומער פארנאכט, געלערנט מיטן רבין דעם ברוך טעם פון ר׳ ברוך תאומים פרענקעל (דער באבעס א זיידע, אויך די גערערס רבים זיינען זיינע אייניקלעך). איין ארט האב איך ווי אויך דער רבי ניט פארשטאנען. מיטן ספר אונטערן האנט געווארט אונטערן זיידנס טיר. דער זיידע האט מיך אריינגערופן. א האלבע שעה, א שעה, דער זיידע לערנט מיט מיר, דערקלערט מיר. לערנענדיק באמערק איך — איין טיר, וואס פירט אין „סאלע“, וואו עס ווארט דער עולם, עפנט זיך אלע ווייל און אברהם־דוד דער גבאי מאכט מיר מיטן האנט. דער עולם וועט פארשפעטיקן צום לעצטן דאמפער.

איך זאל שוין גיכער ענדיקן. די צווייטע טיר אין די אינעווייניקסטע צימערן עפנט זיך און די מאמע מיט א גליקלעכן שטראלדיקן פנים קוקט אריין און זי האט זיך זיכער געוואונטשן, אז דאס זאל זיך לאנג, לאנג ניט ענדיקן.

און איינמאל פורים, איינער פון די גליקלעכסטע טעג פון מיין קינדהייט. מיין געשוועסטערקינד מענדל שניאורסאן, דעם טשערקאסער רבס זון (איצט פינאנץ־לייטער פון ירושלימער אוניווערסיטעט), האט צוגעשיקט דעם זיידן דורך דער פאסט א פלפול, וואס ער האט מחדש געווען. די גאנצע פאסט פלעגט דורכגיין דורך מיין פאטערס האנט. האב איך דאס איבערגעגעבן דעם זיידן פורים אינדערפרי, אבער שוין צוזאמען מיט מיינעם אן ענטפער אויף שניאורסאנס פלפול, וואו איך האב געמאכט פון אים אש און פערוך (איצט מעג איך דאך שוין אויסזאגן — א ביסל מיט דער הילף פון מיין רבין משה אייזיקן).

בשעת דער סעודה האט דער זיידע געוויזן די רבנים, ווי זיינע אייניקלעך קריגן זיך אין לערנען און האט געזאגט צו ר׳ משה פאטשיפער, דעם איוואנקאווער רב, אז קיינמאל האט ער נאך ניט באקומען אזא שיינע מתנה. דאס האט גלייך געוואוסט דער גאנצער עולם און אלע האבן אויף מיר, דעם 11—12 יאריקן, געקוקט מיט א שטארקן דרך־ארץ. יעדנפאלס אזוי האט זיך מיר דאן אויסגעוויזן, און איך בין געווען שטאלץ און גליקלעך, אבער נאך מער — די מאמע.

דעם גרעסטן נחת, אבער, האט מיין מאמע פון מיר געהאט, ווען צו מיין בר־מצוה האט דער זיידע מיר געשענקט זיין סויבלענע היטל (א מין שטריימל), וועלכע ער פלעגט טראגן אין א יומא דפגרא ווי חנוכה, ראש־חודש. און איך? א ביסל שטאלץ, אבער וועלכע ליידן האט דאס מיר פארשאפט. מיט דעם מאמענט איז ווי אונטערגעשניטן געווארן מיין קינדהייט מיט אלע זיינע פריידן און שטיפערייען. געמוזט זיין סטאטעטשנע, ציילן יעדן טריט, ניט א ריר־טאן זיך פון ארט אין בית־המדרש. און ווי ס׳האט זיך געחלשט זומער בשעת קריאת התורה ארויסלויפן אין הויף אזא בריה ווי איך בין געווען זיך דראפן ביי אונז אין גארטן אויף די עפל־בוימער, אבער פון דאן אן אויס. אויף דעם האט מיר דער זיידע געשענקט זיין שטריימל?

גיט נאך צו דערצו, אז דאן, צו 13 יאר בין איך שוין געווען א חתן פון א 3—4 יאר פאר א גרויסן גאליציאנער גוטן יידנס א טאכטער, וועלכע כ׳האב קיינמאל ניט געזען, אבער דער גאלדענער זייגער מיט דער קייט האבן ווי געוועגן צענדליקער פוד און האבן געבונדן יעדן טריט מיינעם.

פארן לויפן נאך א וואגן אין גאס וואלט איך געווען דאן גרייט אפילו שענקען דאס. וואס ניט זעלטן פלעגט זיך אן אלטער חסיד פאר מיר אויפשטעלן ווי פאר דעם רבינס א קינד.

אונז קינדער האט דער גרויסער הויף מיט זיין אייגנארטיקן לעבן פול געמאכט די מוחות און הערצער. דער הויף איז געווען אונזער גאנצע וועלט און פון יענער זייט פארקאן האט זיך אנגעהויבן „עפעס אנדערש“, וואס איז געווען פאר אונז פארהילט און מטושטש. מיט דעם „עפעס אנדערש“ האבן מיר קיין מגע ומשא ניט געהאט.

פון זעקס יאר אן, ווען איך האב אנגעהויבן לערנען גמרא, בין איך, ווי אויך די איבעריקע קינדער פון הויף, ניט געגאנגען אין חדר מיט שטאט־יינגלעך. געהאט אליין א רבין, א פאר יאר איז דאס געווען א ליטווישער גדול, דער טשאשניקער עלוי ר׳ אברהם־יוסף קרעמער (דוכט מיר, דער פאטער פון גרינדער פון „בונד“ ארקאדי קרעמער). קיין צייטונגען האב איך ניט אנגעקוקט און כמעט ניט געוואוסט וועגן זייער

עקסיסטענץ. צום ערשטן מאל האב איך געזען א „הצפירה", וואס דעם גבאים און איינקל חיים מאסוסאוו (איצט א רב אין אוקראינע) האט אונטערגעשיקט מיין פעטער אונטער דער פאלע.

דאס ערשטע ביכל, וואס א שטאטישער יינגל האט מיר בסודי סודות איבערגעגעבן, איז געווען א באנד פון „זכרונות לבית דוד". דאס איז געווען ערב פסח. ווען מען איז מיט גרויס פאראד געפארן צום טייך נאך מים שלנו, אבער איך האב זיך אפגעזאגט פון דעם געוויינלעך געוואלדיקן פארגעניגן און זיך געמאכט קראנק און נים געפארן. כ'האב דאס ביכל איינגעשלונגען פיבערדיק און דעם טעם פון ביכל פיל איך נאך עד-היום. פון דאן האט זיך „דאס" אנגעהויבן. באקומען בשתיקה העברעאישע ביכער פון שטעטל און געשלונגען מיט מוראדיקער דורשט. איינמאל איז צו מיר אריינגעפאלן א לוח „אחיאסף", האב איך אים געליינט די גאנצע נאכט און פארטאג, אז איך האב געזינדיקט. האב איך אנגעהויבן לייענען פון אנהויב צום צווייטן מאל. געהארפוועט אויף דעם מורה נבוכים מיטן כוזרי.

א גרויסע געשעעניש איז געווען, ווען ס'איז צו מיר אריינגעפאלן דער „דור — דור ודורשיו" פון ווייסן. אזוי האב איך ממש פארצערט אלע העברעאישע און די ווייניק יידישע ביכער, וואס זיינען געווען אין שטעטל. וואס מוז מען ווייטער? האט מיר א משכיל, שלמקע סטאראבינסקי, געעצהט זיך אויסלערנען רוסיש, אבער ווי אזוי לערנען, אז איך האב קיינמאל נים געזען און נים געהערט קיין רוסיש ווארט.

צונויפגעקליבן מארקעס, וואס מען פלעגט אריינלייגן אין די בריוו אויף ענטפערס, און אויף דעם אדרעס פון זעלבן משכיל אויסגעשריבן שטיינבערגס רוסיש — העברעאישן ווערטער-בוך, געקראגן א רוסיש ביכל אן אן אנהויב און אן א סוף און גענומען קוקן יעדן ווארט אין ווערטערבוך. גאנצע נעכט גענישטערט אין ווערטערבוך, א מוראדיק שווערע ארבעט, אבער ווי גליקלעך בין איך געווען, ווען די געהיימע ווערטער האבן אנגעהויבן באקומען אן אינהאלט און האבן זיך גלענצנד געפאסט איינס צום צווייטן און אלע צוזאמען האבן אנגעהויבן ריידן צו מיר פארשטענדלעך און קלאר. א געוואלדיקער פארגעניגן.

א גרויסע מיטהילף דורך נוציקע אנווייזונגען פלעג איך צו יענער צייט באקומען פון די „טשערקאסער קינדער". אזוי האבן געהייסן ביי אונז דער אויבנדערמאנטער מענדל שניאורסאן און זיינע ברידער, וועלכע וואוינענדיק אין טשערקאס, נים אפגעוואנדערט פון דער שטאט, האבן זיך שוין געהאט געלערנט האלב אפן. צום זיידן פלעגן זיי קומען צו גאסט אויף לאנגע חדשים.

איינארדענענדיק זיך קונציק ווי אויסצובאהאלטן די ביכער, פלעג איך ביי אפענע גמראס און פוסקים לייענען לאנגע ווינטערדיקע אווונטן און גאנצע נעכט די רוסישע קלאסיקער. עמערווייז גליק פלעג איך שעפן פון פושקין, לערמאנטאוו, דאסטאיעווסקי, טאלסטאי און באזונדערס פון טשעכאוו. דעם גרעסטן גליק האט מיר אבער פארשאפן דאס בוך, וואס מען האט געקראגן פאר מיר ביי בתיהלען דער אקושערין „די געשיכטע פון דער ציוויליזאציע אין ענגלאנד" פון באקלען און באזונדערס די פאררעדע ווענן די פאקטארן, וואס ווירקן אויף דער געשיכטע.

א קוריאז — שוין לייענענדיק גוט רוסיש האב איך געמיינט, אז דאס איז נאר א שפראך, אויף וועלכן מען שרייבט ביכער, ווי ביי אונז העברעאיש און ריידן רעדט מען אויף דער שפראך, וואס האבן גערעדט איוואן דער סטרוזש און סאפיא די וועשערין (זיי האבן גערעדט אוקראיניש).

אויסחזרנדיק אויף אויסווייניק בלאשטיינס רוסישע גראמאטיק אין יידיש האב איך זיך שוין באטראכט פאר א מלומד אין רוסיש און איך האב שוין געוואלט מהנה זיין אנדערע. מיין שילערין איז געווען מיין פעטערס זייער שיינע טאכטער (איצט א רביצן אין גאליציע). מיינע יינגערע שוועסטער פלעגן באקומען געצאלט פארן שטיין בעת די לעקציעס אויף דער וואך און ווארענען פאר א געפאר.

בשעת איך בין אלט געווען 13 יאר, איז דער זיידע נפטר געווארן, אבער מיר זיינען נאך געבליבן עטלעכע יאר וואוינען אין שטעטל.

יענע צייט האב איך זיך שוין מער קיין ארט נים געפונען אין קליין שטעטל און ביינאכט בין איך אוועק קיין ווילנע. מען האט אבער געצוואונגען מיינע חברים, וועלכע מען האט חושד געווען, אז זיי ווייסן מיין סוד און זיי האבן מיך טאקע ארויסגעגעבן. אין א פאר טעג ארום נאך מיין קומען קיין ווילנע, האט מען מיך אויפגעזוכט און כ'האב געמוזט זיך אומקערן אהיים. כ'האב אבער ארויסגענומען א תנאי, אז מען זאל מיר נעמען א רוסישן לערער. איך האב דערפאר צוגעזאגט, אז איך וועל נים אוועקווארפן דאס לערנען גמרא און פוסקים.

ווען איך בין אלט געווארן א יאר אכצן, איז מיין פאטער אויפגענומען געווארן פארן חסידישן רב אין קיעוו און זייענדיק דארט, האב איך שוין געקענט לערנען פראנק און פריי. מיין לערער איז דרך-אגב געווען מ. ראפאלסקי, דער איצטיקער רעזשיסער פון ווייסרוסישן מלוכה-טעאטער.

לערנענדיק א שטיקל צייט אין קיעוו, איז שוין אויך קיעוו געווארן פאר מיר ענג און מיך האט געטראגן אזש קיין בערלין, וואוהין ס'האט מיך גערופן מיין קינדהייט- און יוגנט-חבר, דער העברעאישער דיכטער שמאי פינסקי.

געוואלט אריין אין ראבינער-סעמינאר און דורכדעם אין אוניווערסיטעט, אבער אפווייענדיק א קארגן יאר, בין איך לויט דער עצה פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי געפארן צוריק, אבער שוין נים קיין קיעוו, נאר קיין אדעס, זיך דארט פילן פריי און לערנען נים געשטערט.

דא הויבט זיך אן די געוויינלעכע געשיכטע פון די הונדערטער עקסטערנעס מיט עקזאמענס, מיט דורכפאלן, מיט מיניסטער שווארצס גזירה'ס קעגן עקסטערנעס. אבער דאס איז שוין אזוי צו זאגן פריוואטע ענינים, וואס וועלן פאר קיין זייטיקן ווארשיינלעך נים זיין אינטערעסאנט.

אמת, עס וועקן זיך איצט אין מיין זכרון עפיזאדן פון יענער צייט, וואס בעטן א תיקון, זכרונות, וואס ווילן זיך נעבעך רעטן פון תהום פון אייביקער פארגעסנקייט. און ווי לאזט מען טאקע פארגעסן ווערן אזוינע פיינע מאמענטן פון קיעווער פעריאד, ווי, למשל, דער קרייז ארום דעם הויז פון די „מייזעליאטעס" (נחמן מייזל, זיינע ברידער און שוועסטער) מיט זיין באזונדער אטמאספער, דעם הויז, צו וועלכן ס'האט זיך געקלעפט אלץ, וואס ס'איז געווען יונג און ניי, דעם הויז, אין וועלכן ס'האבן זיך אזוי פיין צונויפגעגאסן און הארמאניזירט די נגונים פון טשארטקאוו און באיאן פון מאמס צימער מיט די וכוחים ווענן יידישער ליטעראטור און קונסט אין די צימערן פון די „יינגלעך". אבער זאל דאס שילדערן נחמן אליין, פארשטענדלעך בערגעלסאן, נסתר, האפשטיין, דאברושין, מאלן די קינסטלער ריבאק, פאילעס, עפשטיין, אראנסאן, דער ארטיסט ראפאלסקי אדער זאל פון דעם „מאכן אן אנטאלאגיע" ע. קארמאן.

איך וועל אלזא אריבערגיין צום פעריאד פון מיין געזעלשאפטלעכער ארבעט, צוליב וואס כ'האב אייגנטלעך אנגעהויבן מיינע נאטיצן פארן פנקס.

די השגחה האט געוואלט, אז פון אנהויב מלחמה אן זאל דאס קליין ריטשקעלע פון מיין פערזענלעך לעבן פארקערעווען נאענט צום גרויסן שטראם פון היסטארישע געשעענישן און אפט איינגעשלונגען און געטראגן געווארן דורך אים. פערזענלעכע און אלגעמיינע געשעענישן האבן זיך צוזאמענגעפלאכטן. אפט ווען איך רייס ארויס ביים שר של שכחה די אדער יענע אין פלוג גענומען ריין פערזענלעכע עראינערונגען פון יענעם פעריאד זע איך, אז זיי קענען

דינען אלס א צושטייער צו דער געשיכטע פון דער ברויזנדער מלחמה-רעוואלוציע-פאגראמען-תקופה.

סוף 1914, אנהויב 1915. קיעוו. עס שטראמען היימלאזע. אנטלאפענע פון פראנט און ארויסגעשיקטע פון פוילן, פון קאוונער געגנט און טויזנטער ארעסטירטע פון די גאליציאנער שטעטלעך. גאנצע שטעט, ווי פאדוואלאטשיסק, למשל, ווערן געטריבן צופוס קיין קיעוו. די גאנצע אינטעליגענץ, ווי די אסימילירטע אויף רעכטס ווי אויך די אסימילירטע אויף לינקס האט זיך זעלבסט מאבילירט. מען איז גרייט אויף יעדן קרבן און מען טראגט זיי אויך, ניט ווייסנדיק אפילו דערביי, אז מען טוט עפעס. די נויטיקע געוואלדיקע סומען ווערן שנעל געשאפן מיט אן עודף. מען טראגט אליין דאס געלט און אפט דינגט מען זיך מיט די מנדבים למאי זיי גיבן צו פיל. מען ארגאניזירט זיך שנעל ארום „קאפע“ (דער „יעקאפא“ פאר אוקראינע). עס ווערן געשאפן פארשיידענע קאמיסיעס. מען ארבעט מיט אלע כוחות און איבער אלע כוחות, אבער וואס מער מען ארבעט אויף, מערן זיך די כוחות. צו יענער צייט האב איך מיטן גאנצן אימפעט זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט. כ'האב ארגאניזירט די עוואקואציע-קאמיסיע, געווען דער וויצע-פארזיצער (פארזיצער איז געווען דער דענישער קאנסול גריגארי יעווסייעוויטש גורעוויטש, נאך צען יאר, דרך אגב, האבן מיר זיך געטראפן אלס עדות אויפן שווארצבארד-פראצעס אין פאריז). די קאמיסיע איז שנעל געווארן די וויכטיקסטע. הונדערטער יונגעלייט, דערהויפט פון דער אקאדעמישער יוגנט, זיינען אין איר געווען מוסטערהאפט ארגאניזירט. דעזשורסטוועס אויף די וואקזאלן. באגעגענען די היימלאזע, זארגן פאר זיי אויף די איבערגאנגס-עטאפן, באגלייטן זיי צו זייערע נייע פארשיקונגס-ערטער — דאס אלץ האבן מיטגלידער פון דער עוואקואציע-קאמיסיע אויסגעפירט מיט אומגלויבלעכער איבערגעגעבנקייט און מסירת נפש. מסירת נפש איז אבער דאס שוואכסטע, מיט וואס מען קאן באצייכענען די הויכע מדרגה פון פולשטענדיקן פארגעסן וועגן זיך אין דער ארבעט פאר אנדערע, צו וועלכער ס'האבן דערגרייכט פשוט און ניט ווייסנדיק אפילו וועגן דעם די הונדערטער און הונדערטער אומבאקאנטע יונגעלייט.

מען וואלט געקאנט און אפשר אויך געדארפט אנשרייבן וועגן דעם מגילות, אבער כ'וועל דערמאנען איין עפיזאד.

היימלאזע האבן געשטראמט קיין קיעוו אין די טויזנטער. איינס ביינאכט איז אנגעקומען אויפן וואקזאל א נייע פארטיע פון 100 היימלאזע. אונזער קאמיטעט האט געדארפט אין משך פון 2 שעה אנווייזן דער באן-דירעקציע דעם פונקט, וואוהין זיי זאלן געשיקט ווערן. כ'געדענק ס'איז געשטאנען די פראגע: יעקאטערינאסלאוו אדער כארקאוו. האלב צוויי ביינאכט איז א זיצונג פון פרעזידיום פון „קאפע“. צו דער זיצונג זיינען געקומען פון וואקזאל די מיטגלידער פון עוואקואציע-קאמיסיע פרל' רבקה סקאמאראווסקא (איצט פראפעסאר אין מאסקווע), איך און די פרוי פון זייער פאפולערן אין אונזער געגנט ד״ר פליישמאן. דער לעצטער איז געווען מיטגליד פון פרעזידיום פון „קאפע“ (וואוינט איצט אין בערלין). נאך דער זיצונג, נאענט צו דריי אזייגער. מיר קלויבן זיך צוריק אויפן וואקזאל, וואו ס'האבן געוואכט א פאר צענדליק מיטארבעטער פון אונזער קאמיסיע. עס רופט מיך אפ אן א זייט ד״ר פליישמאן און בעט מיך ווירקן אויף זיין פרוי זי זאל זיך אפזאגן פון דער וואך אויפן וואקזאל היינטיקע רעשט נאכט. ער גיט צו, אז זי איז קראנק, אויסגעשעפט פון דער ארבעט. היינט פרי האט זי געהאט א הארץ-אטאק. ער באהויפטעט אלס דאקטאר, אז דאס ווערט פאר איר לעבנס-געפערלעך.

און דא איז פארגעקומען פאלגנדער געשפרעך:

מארטא גריגאריעוונא, ווענד איך זיך צו איר, ס'איז ניט נויטיק, אז איר זאלט אויך פארן אויפן וואקזאל. גענוג, אז איך און רעוועקא לוואוונא וועלן זיין.

— מיט אייך האט גערעדט ווארשיינלעך סעמיאן איסאקאוויטש (איר מאן). איך פאר אויפן וואקזאל.

— ריכטיק. ד״ר פליישמאן האט מיר אבער דערציילט וועגן אייער געזונט-צושטאנד. ער איז באאומרואיקט אלס נאענטער מענטש, אבער אויך מיר האבן דאס רעכט צו זארגן פארן געזונט פון אונזער א מיטארבעטערין.

איך האב געמוזט געבן אן ערנווארט, אז נאר פון דעם טעם און ניט מחמת איך טו צוליב ד״ר פליישמאן, פאדער איך פון איר זיך אפצוזאגן פון דער „דעזשורסטווע“. און ערשט דאן האט זי מסכים געווען ברענגען דעם דאזיקן קרבן, ד. ה. זי זאל זיך אפרוען א פאר שעה צווישן צענדליקער שעהן נאך אפגעטאנענער און פארשטייענדיקער שווערער ארבעט צווישן די היימלאזע און ארעסטירטע גאליציאנער.

אין יענער—איך וואלט געזאגט—העלדישער צייט איז מקריב זיין מיט זיך געווארן דאס געוויינלעכע, אלטעגלעכע און אפזאגן פון ברענגען זיך פאר א קרבן איז געווען ווי אין דעם פאל פאר דער דערהויבענער מארטא גריגאריעוונא דער גרעסטער קרבן. ווער מער ווער ווייניקער, אבער ניט קיין איינצלנע נאר הונדערטער און הונדערטער פערזאנען האבן געארבעט מיט מסירת נפש. ווען איך וואלט איצט געוואלט צונויפשטעלן א רשימה פון די דאזיקע פערזאנען, וואלטן אייניקע פון זיי זיכער געפילט זיך שטארק קרעמפירט. צוזאמען מיטן נאמען למשל פון ליובאוו גערמאנאוונע דאברי (די פרוי פון באקאנטן מיליאנער אין פאריז) און דער געוועזענער מיליאנערין חיה׳לע עסמאן (נאכדעם געארבעט אויף שווערער צוואנגס-ארבעט אין רוסלאנד), וואלט איך געדארפט דערמאנען די נעמען פון אייניקע פון די איצטיקע פירער פון „יעווסעקציע“ אין רוסלאנד. איך מיין, אז סיי די ערשטע און סיי די לעצטע וואלטן זיך פילן ניט באקוועם אין אזא שכנות 'און מיר לאזן דאס איבער.

אייגנטלעך האב איך צוגעזאגט דערמאנען נאר איין עפיזאד פון מיין ארבעט אין יענעם פעריאד און איך וואלט שוין אויף דעם געדארפט ענדיקן מיט יענעם פעריאד. מיר ווילט זיך אבער, זאל זיין אפילו בקיצור, דערמאנען איין מערקווירדיקע נסיעה מיינע אין יענער צייט. זיבעצן טעג האב איך געפירט א ספעציעלן צוג פון 10 לאסט- אדער פי-וואגאנען. דער צוג באוואכט דורך 70 זשאנדארמען האט אנטהאלטן איבער 700 ארעסטירטע גאליציאנער. רבנים, גוטע יידן, אייניקע צענדליק דאקטוירים, אדוואקאטן, אינזשענערן, א 120 קינדערלעך. טיפער הארבסט 1915 מיט שטארקע קאלטע נעכט. געשלעפט זיך איבער א גרויסן שטח פון רוסלאנד און כ'האב ניט געקאנט אויספועלן ביי אייניקע גובערנאטארן קיין מקום-מנוחה אין די גרענעצן פון זייער ממשלה פאר די פארוואגלטע און מיר האבן געוואגלט ווייטער. צוויי טויטפאלן אויפן וועג. איינער א ייד פון גארליץ איז ארונטערגעפאלן אונטערן צוג און האט פארלארן ביידע הענט. דא קומט א פיינלעכער אומדערהערטער און זיכער דער איינציקער פאל. א יידישער ראבינער (א קאזיאנער געוויינלעכן) פון קאזאן, גייענדיק מיט מיר צום פאליצמייסטער וועגן בעטן אן ערלויבעניש איבערצולאזן די היימלאזע אין קאזאן, האט גאר געבעטן, נאכדעם ווי דער פאליצמייסטער האט דאס ערלויבט, זיי ניט איבערלאזן דארט, ווארום ס'וועלן פארקומען פאגראמען. דער פאליצמייסטער האט אים נאטירלעך צוליב געטאן און זיי זיינען טאקע פארשיקט געווארן אין טשיסטאפאל א. א., וואו ס'האבן ניט געוואוינט אינגאנצן קיין יידן.

נאך אין פאדערהויז ביים פאליצמייסטער האב איך זיך כמעט ווי געווארפן אויף אים שלאגן. איך האב אויפגעהויבן האלב רוסלאנד קעגן דעם אויסוואורף. קיעווער, מאסקווער, פעטערבורגער קאמיטעטן. איך האב ניט גערוט. באזונדערס האט מיך אונטערשטיצט אין קאמף קעגן אים מיין

עוואקואציע-קאמיסיע ביז מיר האבן דערפירט צום זיג. ער איז בחרפה אויסגעשלאסן געווארן פון פעטערבורגער „יעקאפא" — און איך האב אויף א זיצונג פון „קאפע" באקומען א גרויסארטיקע אוואציע. וועגן דעם ענין איז, דרך-אגב, קאמאנדירט געווארן קיין קאזאן דער ד"ר א. חוקרוני.

איך האב אנגעהויבן דערציילן וועגן מיין נסיעה. אומגלויבלעך, ס'וואלט געקלונגען ווי א לעגענדע, ווען איך וואלט וועלן א שילדערן דעם „קאמף", וואס מיר האבן געהאט אויסצושטיין קעגן דער גוטהארציקייט און אפטרוויליקייט פון דער יידישער באפעלקערונג פון די שטעט, דורך וועלכע מיר זיינען דורכגעפארן מיט אונזער צוג.

מיר זיינען געווען איבערגעלאדן מיט כל טוב פאר אונזערע היימלאזע און מער ווי מילך, פוטער און אייער האבן מיר ניט געקאנט נעמען. נו, האט מען אונז געמאכט סקאנדאלן: סטיימש. אויף אזא גרויסער פארטיע היימלאזע נעמט איר ביי אונז פראדוקטן אויף א פאר „קארבוצן" (אויף עטלעכע רובל)! און אזוי כסדר. אין כומאר זיכאלאווסק האבן מיר אנגעטראפן אויף א קאמיטעט, וואס יעדער מיטגליד האט געארבעט א טאג אין וואך שווארצע ארבעט אויפן באן, כדי צו פארדינען אויף די הוצאות, וואס האט געפאדערט דאס באגעגענען די היימלאזע. איך האב וועגן דעם דערציילט אנ—סקין און מיר דוכט, אז ער דערמאנט ערגעץ וועגן דעם.

ווען מיר זיינען געקומען שפעט ביינאכט אויף דער סטאנציע סוכעניטשי, האבן מיר געטראפן אויפן פעלד טויזנטער קריסטלעכע היימלאזע, וועלכע האבן צוזאמען מיט די קליינע קינדער געשמאכט פון הונגער. צוזאמען מיט א גלח, וואס האט אונז וועגן דעם געמאלדן, האבן מיר אלע מיט אונזערע ארעסטירטע גאליציאנער זיך צעשפרייט אויפן פעלד טיילן ברויט. אויף מארגן איז אונזער „שפייז-וואגאן" געווען ווידער איבערפולט. דער בערדיטשעווער רב וואלט געהאט א גוטע געלעגנהייט צו מלמד זכות זיין אויף זיינע יידן.

איך לאז איבער די מערקווירדיקע צייט פון דער ארבעט און די ספעציעל דורך אונז געעפנטע ארעסט-הייזער פאר די גאליציאנער, וואס זיינען געווען באוואוינט פון דעם טשערנאוויטשער בירגערמייסטער ווייסעלבירגער (נאכדעם באקומען דעם טיטל גראף), ד"ר קארל האלפערן פון סטאניסלאוואו, רעקטאר פון לעמבערגער אוניווערסיטעט פראפ. דיאמאנד ביז דעם אוסלער רב, קאמינקער רבי און א שמש אין א פארווארפן שטעטל און איך גיי איבער צו אן אויסערסט אינטערעסאנטן פעריאד אין מיין ארבעט — אין דער אקופירטער דורך די רוסן גאליציע

1915. צו די שווערע זארגן פאר די טויזנטער צעבראכענע לעבנס און עקסיסטענצן, צו דעם טיפן ווייטאג, וואס האט באהערשט די יידישע געזעלשאפט ביים צוזען ווי גרויסע אלטע יידישע ישובים ווערן אריבערגעטראגן אין די וואגאנעס און אין די באראקן, איז צוגעקומען — גאליציע.

צוזאמען מיט די הורא-געשרייען אויף די פאטריאטישע מאניפעסטאציעס צוליבן נצחון פון „אונזערע" אין גאליציע האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן באאומרואיקנדע ידיעות וועגן דעם שווערן קיום, אין וועלכן ס'זיינען אריינגעפאלן די איבערגעשראקענע און דערדריקטע יידישע שטעטלעך אין גאליציע.

דאס בילד איז גיך בולט געווארן: אפטע רויבערייען; עניים קשים פון די נייע מושלים; צוגעשמידט צו די ערטער אן קיין מעגלעכקייט פון פארדינסט, פערספעקטיוון אויף הונגער-טויט.

אנ—סקי האט באזוכט גאליציע און האט אין אן ענגן קרייז געשילדערט שוידערלעכע בילדער. ס'האבן זיך אנגעהויבן באקומען בריכטן פון א געהיימען ד"ר יעווסייעוו (וועגן אים ווייטער) מיט באשרייבונגען פון די שרעקלעכע עניים. מען מוז העלפן — ווי אזוי אבער? דער קאמיטעט האט אפילו ניט געקענט אויפהויבן די פראגע וועגן געבן הילף פאר אונטערטאנען פון א פיינדלעכער מלוכה. ווי א קאשמאר האט דאס אלעמען געדריקט און די אומרו איז געוואקסן מיט יעדער ידיעה, וואס א יידישער דאקטאר אדער א בארימהערציקע שוועסטער פלעגט ברענגען פון גאליצישן פראנט. וואס טוט מען? פון יעדער זיצונג פון קאמיטעט איז מען אוועק דערדריקטע. קיין עצה. די ישועה איז געקומען אומדערווארט און געבראכט האט זי די שרעקלעכע טיפוס-עפידעמיע, וואס האט אויסגעבראכן צווישן דער יידישער באפעלקערונג.

די אלרוסישע מיליטעריש-געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע „זעמסקי-סאיוז" האט פארגעשטעלט וואו מען דארף, אז דער טיפוס באדראט די רוסישע ארמיי. מען מוז דערנערן די יידישע באפעלקערונג כדי אפצושטעלן דעם טיפוס. דער דאזיקער איינפאל (אונטערגעזאגט דורך די טוער פון אונזער קאמיטעט) האט אפגעראטעוועט פון טויט טויזנטער משפחות.

אין די קיכן פון „זעמסאיוז" אין אלע אקופירטע שטעטלעך פון מזרח-גאליציע האט מען אנגעהויבן איין מאל אין טאג ארויסגעבן עסן פאר דער גאנצער יידישער באפעלקערונג. צו יענער צייט (דערווייל איז א שטיק גאליציע אריבערגעגאנגען צוריק צו עסטרייך) איז געקומען פון פראנט דער דערמאנטער ד"ר יעווסייעוו און האט פארגעלייגט א פלאן פון ארבעט אין גאליציע.

מען דארף אריינפירן צוויי מיטארבעטער פון אונזער קאמיטעט אלס באאמטע אין „זעמסאיוז". אויסער דער אפיציעלער מיסיע פון „זעמסאיוז" וועט זייער אויפגאבע זיין זיך „חברן" מיט די פארוואלטערס פון די קיכן און זען ביי זיי אויספועלן, אז ביי די קיכן זאלן געשאפן ווערן פרייוויליקע יידישע קאמיטעטן אויף מיטהעלפן מאכע זיי, די פארוואלטער. די געהיימע שלוחים פון קיעווער קאמיטעט וועלן קענען איבערגעבן געהיים צו די דאזיקע פרייוויליקע קאמיטעטן ביי די קיכן געוויסע סומען אויף שטיצן געהיים די ליידנדע יידישע באפעלקערונג. א ביסל פארדרייט; קיין גלייכערן אבער פון דאזיקן קרומען פלאן האט מען ניט געקאנט צוטראכטן און מען האט אים באשטעטיקט.

די צוויי געהיימע שלוחים האבן געדארפט באזיצן פארשיידענע מעלות, כדי דורכצופירן די דאזיקע ריזיקאלישע ארבעט. אלס איינעם פון די צוויי האט דער קאמיטעט באשטעטיקט מיך און אלס דעם צווייטן ש. האמעלסקי (וואוינט איצט אין פאריז). דורך א פראטעקציע ביי גראף טשארטאריזשיסקי, ביי די פירער פון „זעמסאיוז" גאיארין און ליניטשענקא (דער לעצטער איז איצט פארזיצער פון אוקראינישן רויטן קרייץ אין כארקאוו און איז געווען אן עדות מצד דער פארטיידיקונג אויף דעם שווארצבארד-פראצעס) זיינען מיר אריין אלס מיטארבעטער פון „סאיוז" און האבן זיך ארומגעפוצט אין אפיצירישע מלבושים מיט שווערדלעך ביי די זייטן.

מיין אפיציעלע מיסיע איז געווען צו פארטיילן אין נאמען פון „סאיוז" וועש, וואס אונזער קאמיטעט האט אויסגעפארטיקט אין א ריזיקן קוואנטום, צווישן דער שטאטישער, ד. ה. אויף 95 פראצענט יידישער, באפעלקערונג. געוויינלעך ניט פאר רחמנות, חלילה, צו די גאליצישע יידן, נאר כדי אפצוהיטן די העלדישע רוסישע ארמיי פון פלעק-טיפוס.

דעם קרומען פלאן האבן מיר, אמת, מיט אומגעהויערע אנשטרענגונגען און געפאר פארוואנדלט אין א גלייכע זאך און דער עיקר פון גוואלדיקער נוצן פאר דער דאן צען מאל אומגליקלעכער גאליצישער יידישער באפעלקערונג.

אלץ — ווי ס'איז אנגעמערקט געווארן. איך האב זיך זייער גוט איינגעחברט מיט די פארוואלטער פון די קיכן. די פארוואלטער אין בארשטשאוו און יאגעלניצע למשל (זייער וואוילע יונגעלייט, נאר זעלטן געווען אויף די פלעצער צוליב די אפטע געבורטסטאגן ביי די בארימהערציקע שוועסטער אין די פארשיידענע פונקטן) האבן די גאנצע זאך פון ארגאניזירן די

גאַמיסטן איבערגעגעבן און מיט גרויס צופרידנקייט צו מיר אַליין.

אפילו ביי פּיאָטראָוון, א ווילדן סאַדיסט, א צורר היהודים, וואָס אין כמוהו, איז אפילו ביי אים האָב איך געפּועלט אלץ. אַזוי, למשל, האָב איך אויסגעווירקט ביי אים, אַז אין נאָווימאַלאָוו זאָל שבת ארויסגעגעבן ווערן רויע פּראָדוקטן פאַר דער באַפעלקערונג, ווייל פריער האָט ער צוליב דעם, אַז יידן וועלן ניט עסן קיין געקעכטס, בכלל ניט ארויסגעגעבן שבת קיין עסן און די שטאָט האָט שבת געהונגערט.

דורך אגב. בין איך אין שייכות מיט דער פראַגע געווען אַן עדות פון א פיינלעכן פאַל: איך בין געזעסן ביי אים אין צימער (ס'איז געווען פריער אָפּגערעדט), ווען א דעלעגאַציע פון א יידישן גוט-באַזיצער און דעם רב איז געקומען בעטן ביי אים וועגן די פּראָדוקטן און ער, ווי נאָר זיי האָבן געעפנט די טיר, האָט מיט א געשריי „וואָן" זיי פאַרטריבן ווי הינט. איך האָב געמוזט בלייבן „רואיק" און „געמיטלעך" מיט אים ווייטער פאַרברענגען. מיר איז פיינלעך איצט צו שרייבן וועגן דעם, ווי דאָס איז מיר פיינלעך יעדן מאָל, ווען איך דערמאָן זיך עס.

געפּועלט האָב איך ביי אים צו מבטל מאַכן די דערמאָנטע גזירה, בעת ער איז געווען אין א זייער גוטער שטימונג, צוליב א קונציק לעדערנעם בייטשל צום רייטן, וואָס איך האָב אים געבראַכט אַלס מתנה.

דער אופן פון מבטל מאַכן גזירות דורך ווייך-מאַכן דאָס האַרץ פון מושל איז אפילו אַלט און גוט באַקאַנט. איך ווייס ניט ווי מיינע ייִדעס האָבן זיך דערביי געפילט. איך האָב זיך ניט געפילט ווי איינער, וואָס ברענגט א ישועה פאַר א שטאָט. און עד-היום קען איך זיך ניט באַפרייען פון פיינלעכן געפיל פון דערנידערונג, ווען איך דערמאָן זיך וועגן מיין פריינדשאַפט מיט פּיאָטראָוון און אַפּשר קען איך זיך דאָס אויך ניט מוחל זיין.

די פאַרוואַלטער פון די קיכן אויף די ערטער האָבן געווירקט אויף די מוטער פון קיעווער קאָמיטעט און די לעצטע — אויף די פאַרוואַלטונג פון „סאָיוז", אַז אין די קיכן זאָל מען אויסטיילן די קינדער און פון דעם זיינען צוביסלעך אויסגעוואַקסן א גרויסע צאָל קינדערהיימען. אָפט, ווי ס'איז געווען דער פאַל אין טשאָרטקאָוו, האָט פאַרוואַלטעט מיט א קינדערהיים פאַר יידישע גאַליציאַנער קינדער א טאַמבאָווער קריסטין, וואָס האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען וואָס די קינדער האָבן גערעדט. ס'האָבן זיך אָבער אומעטום געמאָלדן אָרטיקע יידישע אינטעליגענטע מיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די קינדערהיימען פרייוויליק, און אייניקע האָבן מיר אויך געהיים געצאָלט. אויף וויפיל איך געדענק, האָט דער „סאָיוז" נאָר אין איין קינדערהיים באַשטימט א יידישע פאַרוואַלטערין, אָבער גראָד דער פאַל איז געווען ניט געלונגען צוליב דער שלעכטער אויפפירונג פון דער פאַרוואַלטערין.

אונז האָט זיך אויך איינגעגעבן אין גרעסטן טייל ערטער צו געבן הילף פאַר דעם באַזונדערס שווער-ליידנדן טייל פון דער באַפעלקערונג דורך די קאָמיטעטן ביי די קיכן, אויף וואָס מיר האָבן געהיים אָבער רעגלמעסיק איבערגעגעבן געלטער. אָבער דאָס איז אָנגעקומען מיט מוראדיקע אָנשטרענגונגען און אָפט זיינען מיר געבראַכט געוואָרן צו פאַרצווייפלונג. אין יעדן איינציקן פאַל האָבן זיך געפאָדערט באַזונדערע איינפאַלן און קונצשטיק, ווי אַזוי איבערצוגעבן דעם קאָמיטעט דאָס געלט און דער עיקר ווי צו דערמעגלעכן דעם קאָמיטעט דאָס געלט צו פאַרטיילן און ניט אַנטדעקט צו ווערן. אַזוי, למשל, בין איך אין באָרשטשאָוו אריין צום סטאַראָסטע און אים פאָרגעלייגט 1.600 רובל אויף פאַרטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע, וואָס א מעצענאַט אין קיעוו האָט מיר געגעבן אויף דעם צוועק. דער פאַרוואַלטער פון ק״ן לאַפּשאָוו, וועלכער איז מיט מיר צוליב דעם מיטגעגאַנגען, האָט דורך אגב באַמערקט, אַז דאָס געלט וואָלט מען געקאָנט איבערגעבן צום קאָמיטעט ביי דער קיך. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן און לאַנגע חדשים זיינען געטיילט געוואָרן פיל טויזנטער רובל און ס'האָט אַלץ געהייסן, אַז דער קאָמיטעט טיילט די 1.500 רובל, וואָס ער האָט באַקומען פון סטאַראָסטע, און נאָך און נאָך אַזוינע איינפאַלן. דאָס שווערסטע אָבער איז געווען די גוואַלטיקע געפאַר פון אונזער אַרבעט און די טויט-שרעק ממש, וואָס מיר האָבן אָפט איבערגעלעבט אין גאַליציע.

דערציילן וועגן דעם אָדער ריידן בכלל וועגן דער גוואַלטיקער אַרבעט אין גאַליציע, הייסט אייגנטלעך דערציילן מופתים און אומגלויבלעכע מעשׂית פון בוכשטעבלעכער מסירת-נפש מצד דעם אויבנדערמאָנטן ד״ר יעווסייעוו — ד״ר פרידריך יעווסייעוויטש לאַנדער *) (אונטער זיינע באַריכטן קיין קיעוו פלעגט ער צוליב קאָנספּיראַציע זיך חתמענען מיטן נאָמען יעווסייעוו). ביכער גאַנצע וואָלטן געשריבן געוואָרן און אפשר וואָלט מען אויך דענקמעלער געשטעלט פאַר דעם, וואָס וואָלט פאַר אַנדערע צוועקן אַזוי פיל זיך מוסר נפש געווען ווי דאָס האָט ד״ר לאַנדער געטאָן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע. אָבער נאָר געציילטע ווייסן וועגן דעם.

איך פיל דעריבער פאַר מיין פּערזענלעכן חוב בנוגע צו ד״ר לאַנדער אַלס מיין מדריך און פירער אין דער אַרבעט און אויך פאַר מיין געזעלשאַפטלעכן חוב צו פיקסירן לכל הפחות אויף די געאייגנטע דערצו בלעטער פון דעם פנקס אייניקע פאַקטן פון זיין מאַרטירערשאַפט, וואָס ער האָט פרייוויליק אויף זיך ארויפגעלייגט.

בשעת דער מלחמה האָט מען אים דערמאָנט, אַז אויסער דעם, וואָס ער איז א יוריסט, איז ער אויך א דאָקטאָר-מעדיצין און מען האָט אים איבערגעשיקט אויפן גאַליציער פראָנט (פאַקטיש האָט ער זיך קיינמאָל, דוכט מיר, ניט פאַרנומען מיט זיינע ביידע פּראָפעסיעס און האָט געאַרבעט פאַרן קריג אין פעטערבורגער „אָפּע").

זייענדיק מיט דער גאַנצער מיליטערישער דיסציפּלין פון מלחמה אויפן פראָנט צוגעשמידט צו זיין שפּיטאָל ביי סקאַלא האָט ער פון אָרט אויפגעפאָדערט אונזער ווי אויך פעטערבורגער קאָמיטעטן צו אַרבעט און אַליין, ביז מיר זיינען געקומען זי אויך דורכגעפירט. ניט געטאָרט זיך אָפּרייסן אויף א טריט פון שפּיטאָל, האָט ער דאָך באַוויזן זיך צו פאַרבינדן מיט איינצלנע פּערזאָנען אָדער מיט געהיימע קאָמיטעטן פון צוויי-דריי פּערזאָן אין פאַרשיידענע שטעט און יעדע נאַכט פלעגט ער גיין צופוס אין אַן אַנדער שטאָט, אויפוועקן זיינע פאַרטרויאונגס-לייט, איבערגעבן זיי געלט און אויף מאָרגן זיך שטעלן צו דער אַרבעט. צום ערשטן מאָל, ווען איך בין געווען ביי אים אין שפּיטאָל (ניט אַזא פשוטע זאַך), זיינען מיר געזעסן די גאַנצע נאַכט און ארומגערעדט דעם פּלאַן פון דער אַרבעט. קעגן פיר פאַרטאָג, ווען מיר האָבן זיך ביידע אָנגעשפּאַרט אויף איין פעלד-בעטל, כדי זיך אָפּרוען אויף א פאָר שעה, האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען, ווען ער איז געשלאָפן ביינאַכט און האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען, אַז די נעכטיקע נאַכט איז ער געגאַנגען קיין טשאָרטקאָוו, די פריערדיקע נאַכט איז ער געווען אין באָרשטשאָוו און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז שוין זיבן נעכט, אַז ער איז יעדע נאַכט געגאַנגען צופוס אין אַן אַנדער שטאָט. איך ווייס פון א פאַל, ווען ער האָט געמאַכט אַזא וואַנדערונג, האַבנדיק גרויס היץ. אָבער די אַלע פיזישע שוועריקייטן פון גיין אום ווינטער נאַכט איין נאַכט אויס, פון שטאָט צו שטאָט זיינען ממש א קינדער-שפּיל אין פאַרגלייך מיט דער געפאַר, וואָס ס'האָט אים געדראָט מצד דער קאָנטר-ראַזוועדקע (דעפענסיווע) פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל אָן אַן ערלויבעניש. קומען ביינאַכט אין א שטאָט, ניט קענענדיק אָנווייזן דעם צוועק. זיין אין פאַרבינדונג מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען פאַרבאָטן פון דער מיליטער-מאַכט.—

---

*) ווערט דערמאָנט אייניקע מאָל ביי אַנ—סקין אין „חורבן פון פוילן, גאַליציע און בוקאָווינע".

רעד.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

א פעלד-געריכט חמש א האר. מען דארף נאך וויסן וואס פאר א ווילדן טעראר ס'האט אנטוויקלט דאן די קאנטר-ראזוועדקע.

איך וועל בקיצור דערציילן די געשיכטע פון איין טאג אונזערן.

כ'בין געקומען בייטאג קיין בארשטשאוו וועגן רעארגאניזירן דעם קאמיטעט ביי דער קיך און בין פארפארן ניט אין „סאיוז" ווי שטענדיק, נאר רעקוויזירט דורכן קאמענדאנט א צימער ביי דער זייער אינטעליגענטער סימפאטישער פאמיליע בלומענטאל (א פעטער פון נחמן מייזיל).

ארום ניין אוונט (די ציווילע באפעלקערונג האט געמעגט גיין נאר ביז 7), ווען איך בין געווען אין „סאיוז", איז געקומען צולויפן אן א „פראפוסק" א דערשראקענער, א בלייכער, איינער פון די בלומענטאלס (ד"ר מ. בלומענטאל, איצט לערער אין ביאליסטאקער יידישער גימנאזיע) און קוים וואס ער האט געקענט אויסריידן, אז איך מוז גלייך אנטלויפן, דער נאטשאלניק אליין פון דער קאנטר-ראזוועדקע איז געקומען מיך זוכן. דער דאזיקער נאטשאלניק האט אנגעווארפן אן אימה אויפן גאנצן געגנט פאר דעם קלענסטן פארדאכט — סיביר און אפילו פעלד-געריכט. כ'האב זיך ניט דורכגענומען מיט אזא שרעק, אבער קיין רואיקע נאכט האב איך ניט געהאט. גאנץ פרי בין איך געווען אין קאנטר-ראזוועדקע, ניט געטראפן דעם נאטשאלניק. אבער די שעה ווארטן דארט און די גאנצע אינסטיטוציע בכלל האט געמאכט אויף מיר א דערדריקנדן איינדרוק. געקומען צו די הארציקע בלומענטאלס האב איך זיי געטראפן אלע פארוויינט און דאס האבן זיי שוין מיך באוויינט, ווייל זיי האבן ניט געגלויבט מיך זען ארויס פון דארט. שוין אין א שעה נאך מיין קומען האבן מיר איבערגעלעבט דאס שוידערלעכסטע, וואס מען קען זיך פארשטעלן. אין שטאט האט מען געהאנגען זיבן מענטשן, צווישן זיי צוויי יונגע אוקראינישע מיידלעך. מען האט זיי דורכגעפירט דורך אונזערע פענסטער און זייערע קולות רופן נאך איצט ביי מיר ארויס א גרויל. איינע פון די בלומענטאלס (איצט די פרוי פון יעקב מייזיל) האט מיר ערשט די טעג געזאגט, אז די דאזיקע עראינערונגען איז געבליבן ביי איר ווי א שווערער קאשמאר אויפן גאנצן לעבן. דער ווייטערדיקער פארלויף פון זעלבן טאג: א פיינלעכע באגעגעניש מיטן נאטשאלניק. ער האט מיר פארגעווארפן פיל חטאים פון עובר זיין אויף די פארשריפטן פון מעלדן זיך און רייזע-ערלויבעניש און האט מיר אפן געזאגט, אז איך רוף ביי אים ארויס א פארדאכט (א צוויי שעה נאך דעם פאל מיט די 7 געהאנגענע) און האט איבערגעגעבן די זאך צו דער קאנטר-ראזוועדקע פון הויפט-שטאב. און דא צום אומגליק האבן מיר זיך נאך אויף דעם זעלבן טאג געדארפט טרעפן אין בארשטשאוו אין אן אכסניה מיט ד"ר לאנדערן און האמעלסקין. לאנדער, וואס איז אויך דאס מאל געקומען אן אן ערלויבעניש פון שפיטאל, האט געהאט א גרונט צו רעכענען, אז צוליב א דורכפאל אין קאראלאוקע (אויך אן אינטערעסאנטער קאפיטל) ווערט ער נאכגעשפירט. ער איז געקומען פול מיט שרעק און איז אינגאנצן אויפגעציטערט געווארן, אז איך האב אים דערציילט, אז אויך איך בין אונטערגעפאלן אונטער א פארדאכט. מיר האבן אבער געמוזט בלייבן, ווייל מיר האבן געדארפט באהאנדלען א וויכטיקע פראגע וועגן א מחלוקת (אויך ביי אזוינע אומשטענדן זיינען געווען מחלוקות) אין א קאמיטעט ביי א קיך, וואס האט אונז געקענט ברענגען גרויסע צרות. אינמיטן האבן מיר באמערקט פון פענסטער פארדעכטיקע פערזאנען און נאכדעם ווי מיר האבן בנסי נסים זיך ארויסגעדרוקט דורך אן אונטערשטער טיר, זיינען טאקע אנגעקומען געהיים-אגענטן אין שטוב.

איך האב זיך אפגעשטעלט גענויער אויף דעם פארלויף פון איין טאג, כדי קלאר צו מאכן א ביסל די אטמאספער, אין וועלכער מיר האבן געארבעט און באזונדערס דער ד"ר לאנדער.

איך וואלט געקאנט דערציילן צענדליקער ממש אומגלויבלעכע מעשיות וועגן דעם דאזיקן וואונדערבארן מענטשן. איך וויל נאר צוגעבן, אז ווען ער איז אוועקגעפארן, ריכטיקער אוועקגעגאנגען, איבער די שטעט, כדי צו ארגאניזירן די פאר-פסח-הילף אויף א פיר טעג, האט דער הויפט-דאקטאר פון זיין שפיטאל (א ייד) דערלאנגט צו דער העכערער מאכט א ראפארט, אז דער ד"ר לאנדער האט דעזערטירט...

אויף א זיצונג מיטן קאמיטעט אין טארנאפאל טאקע אין די טעג פון זיין „דעזערציע" האט דער עלטער אנגעזעענער ד"ר [illegible] אנגעהויבן ריידן וועגן ד"ר לאנדערס ארבעט און האט זיך צעוויינט. און ר' דוד לבוב א גרויסער למדן, די רעכטע האנט פון אלטן טשארטקאווער, האט געזאגט מיט א ציטער אין קול, אז ער קען זיך געוויינלעך ניט ווינטשן זיצן אין גן-עדן לעבן דעם ד"ר לאנדער, ער וואלט זיך אבער געוואונטשן לכל-הפחות זען דעם ארט, אויף וועלכן דער הייליקער ד"ר וועט זיצן. דער הייליקער דאקטאר, אזוי האט ער אין גאליציע געהייסן. פאר זיינע צרות האט ער אויך דערלעבט א שטיקעלע נחת. נאך דער רעוואלוציע האט דער הויפט-שטאב אים פארגעשלאגן אן אוטאמאביל און ער איז פראנק און פריי ארומגעפארן פון איין שטאט אין דער צווייטער, ער האט אפילו צונויפגערופן קיין טארנאפאל א צוזאמענפאר פון אלע קאמיטעטן.

מיט דער זעלבער באשיידנקייט, וואס ער האט אויסגעפירט זיין העלדישע שליחות אין גאליציע, האט ד"ר לאנדער נאכדעם אנגעפירט זיין ארבעט אין קיעוו פאר די פאגראם-געליטענע און די לעצטע ידיעות האב איך געהאט פון אים בשעת ער האט געארבעט מיט ד"ר ב. באגען לערך אין יאר 1922 ביים ארגאניזירן קינדער-הילף.

זאל מיר דער ליבער ד"ר לאנדער, אויב מיינע שורות וועלן צו אים דערגרייכן, מוחל זיין, וואס איך האב ארויסגעצויגן זיין נאמען פון זיין באליבטער באהעלטעניש. איך האב געפילט, אז מיין פערזענלעכער און געזעלשאפטלעכער חוב איז דאס צו טאן.

נאך דער ארבעט אין גאליציע, פון זומער 1916 בין איך געווען באפולמעכטיקטער פון „קאפע" אויף וואלין און דערהויפט אין לוצקער געגנט, וואו כ'האב מערסטנטייל געוואוינט. דארט האבן זיך קאנצענטרירט א גרויסע צאל היימלאזע, אנטלאפענע פון פראנט און מיר איז אויסגעקומען צו אנטוויקלען א פארצווייגטע ארבעט ווי עפענען קינדערהיימען, שולן, אמבולאטאריעס א. אז. וו. אין 1917 און א טייל 1918 בין איך איינצייטיק מיט מיין ארבעט אין לוצקער געגנט געווען אין זשיטאמיר דער פארטרעטער פון אלע יידישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, וואס האבן געארבעט פאר די היימלאזע, ווי „קאפע", „ארט", „אזע", אין דעם מלוכהשן גובערניאלן ראט פאר די היימלאזע. אין דעם דאזיקן ראט („גובערנסקאיע סאוועשטשאניע א בעזשענצאך") בין איך אויסגעוויילט געווארן אלס מיטגליד פון פרעזידיום און מיר איז אויסגעקומען אנטייל צו נעמען אין דער אלגעמיינער ארבעט פאר די היימלאזע אויף וואלין און ניט נאר פאר די יידישע. אינמיטן זומער 1917 בין איך אויסגעוויילט געווארן אלס פארטרעטער פון די באפולמעכטיקטע אין פרעזידיום פון „קאפע".

סוף 1918, ווען ס'האבן זיך אנגעהויבן די פאגראמען אויף אוקראינע און ס'איז אנטשטאנען דער קאמיטעט צו העלפן די פאגראם-געליטענע, בין איך אויסגעוויילט געווארן אלס מיטגליד פון פרעזידיום. כ'האב אויך אנגעפירט א גרויסע ארבעט אין נאמען פון קאמיטעט אין זשיטאמיר, וואס האט ספעציעל שווער געליטן פון די פאגראמען מיט די פיל הונדערטער געהרגטע. אין 1919 האב איך אנגעהויבן ארבעטן אין אפטיילונג פון רויטן-קרייץ פאר די מלחמה-געליטענע, בראש פון וועלכן ס'האט זיך געשטעלט פראפ. חפץ און ס'האבן מיטגע-

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

אַרבעט אויך אינזש. פרענקעל פון „אָרט״ און ד״ר ראָזענטאַל (אָנמאַן).

אין נאָמען פון רויטן־קרייץ האָב איך אַנטוויקלט אַ גרויסע אַרבעט אויף שטיצן די פּאָגראָם־געליטענע און אויף דער דריטער וואָך פון מיין צוטרעטן צו דער אַרבעט אין זשיטאָמיר האָבן שוין גוט פונקציאָנירט אַ ריי קיכן, יתומים־ און קינדער־הייזער. אין וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט אָנגעשטעלטע אַליין ביי 100 מענטשן. דער „נאַרקאָמסאָבעז״ (מיניסטער פאַר געזעלשאַפטלעכער שוץ) ווכקאָוו האָט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט דער אַרבעט, אַז מיט גרויס מי האָב איך זיך אָפּגעבעטן פון מאָביליזירט צו ווערן פאַר אַרבעט אין „סאָבעז״ (אין רויטן־קרייץ איז ניט געווען אַזאַ ביוראָקראַטיזם און ס׳איז געווען אַ היימישע סביבה). צווישן די אָנגעוויזענע צייטן באַהאַלט זיך דער ווינטער אין 1918—1919, וועלכן די ווייטסטע דורות וועלן דערמאָנען מיט שוידער.

ניט קענענדיק זיך אָפּשטעלן גענוי, וויל איך נאָך דערמאָנען, אַז די אַרבעט פון אונזערע באַפולמעכטיקטע איז געווען פאַרבונדן מיט דער שרעקלעכסטער געפאַר. איינער אַ באַפולמעכטיקטער פון רויטן־קרייץ אַקסעלראָד מיט זיין געהילף, אַ קיעווער סטודענט (מיך קרענקט, וואָס איך קען זיך ניט דערמאָנען זיין נאָמען) זיינען געהרגעט געוואָרן אין קאָרעסטען אויפן וואָקזאַל דורך די אוקראַינער „פּאָווסטאַנצעס״.

ד״ר י. רובין, דרך אגב, וואָס איז דעם ווינטער געפאָרן פון „אָזע״ איז אַ באַרויבטער, אַ צושלאָגענער קוים אַרויס מיטן לעבן. ווען איך בין געפאָרן פון רויטן־קרייץ קיין זשיטאָמיר, האָט כמעט קיין איין ייד ניט געוואָגט זיך זעצן אין צוג. און ווירקלעך איז אונזער צוג פאַר דער סטאַנציע משעטניכאָוו געוואָרן אַרומגערינגלט דורך די „פּאָווסטאַנצעס״ און נאָר דאָס אָנקומען באַצייטנס פון די רויטע אַרמייער האָט אונז געראַטעוועט.

ווען איך בין אַריין אין שטעטל משעטניכאָוו, געווען איז דאָס צווישן 13־טן און 14־טן פּאָגראָם (געווען זיינען דאָרט דוכט מיר 17 פּאָגראָמען) — זיינען נאָך די הרוגים געלעגן אין גאַס.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן: פאַר מיין פאָרן קיין זשיטאָמיר האָב איך צופעליק אונטערגעהערט דעם ענטפער פון מיין מוטער צו מיין פאָטער, וועלכער האָט מיך ניט געלאָזט פאָרן אין אַזאַ סכנה, אַז „יענע יתומים פון די פּאָגראָמען, וועלכע ער (נ. ה. איך) פאָרט ראַטעווען, האָבן אויך געהאַט טאַטעס און מאַמעס. ביי וועלכע זיי זיינען געווען טייער און מיר טאָרן זיך איצט ניט זאָרגן נאָר פאַר אונזער קינד״. (צענדליקער זייטן וואָלט איך באַדאַרפט באַשרייבן, כדי צו שילדערן מקצת מן המקצת די וואונדערבאַרע פערזאָן פון מיין מוטער ז״ל *).

איצט צוריק צו די דאַטן. אָנהויב ווינטער 1919 בין איך בראָש פון אַ הילף־עקספּעדיציע געפאָרן קיין נאָוואָגראָד—וואָלינסק (זוויהיל), וואו ס׳איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם מיט 700 הרוגים און דער גרעסטער טייל שטאָט איז אונטערגעצונדן געוואָרן. געווען דאָרט אַ שטאַרקער הונגער און טיפוס. איך האָב געעפנט אַ גרויסן שפּיטאָל אונטער דער אָנפירונג פון דעם אויסגעצייכנטן מענטש און דאָקטאָר וו. אָסטראָווסקי (איצט אַ פּאָפּולערער דאָקטאָר אין וואַרשע). געעפנט צוויי יתומים־הייזער און קינדער־היימען.

אין אַ זעקס וואָכן נאָך מיין קומען איז די שטאָט פאַרנומען געוואָרן דורך דער פּוילישער אַרמיי. איך בין געבליבן מיט די אַלע אַנשטאַלטן און מיט אַ באַרג גלייך אַנטוווערטעטע „קרענקעס״. דער קאָמענדאַנט פון שטאָט האָט אַרויסגעגעבן אַן ערלויבעניש צו פאָרן קיין וואַרשע פאַר מיר און פאַר אַ קריסטלעכן דאָקטאָר, מיטגליד פון מיין עקספּעדיציע, אויף משתדל זיין זיך פאַר די אַנשטאַלטן און בכלל פאַר דער שטאָט. זיינע השתדלותן אין פּאָוישיוענע אינסטיטוציעס האָבן גאָר ניט געהאָלפן, דערפאַר אָבער האָב איך מיטן ערשטן וואָרט געפועלט אַלץ און נאָך מער, ווי כ׳האָב אַפילו געחלומט, ביי ד״ר ב. באָגען פון „דזשוינט״.

דאַן האָב איך כמעט צום ערשטן מאָל געהערט דעם נייעם פאַר מיר נאָמען. איך האָב גלייך מיטגעבראַכט מיט זיך אַ קאָלאָסאַלן טראַנספּאָרט פון מעדיקאַמענטן, וואָס צו יענער צייט האָט מען אין אַ גאַנצער רוסישער גובערניע זיכער ניט געקאָנט געפינען. די אַרבעט פון „דזשוינט״ פאַר זוויהיל איז געווען אַ גוואַלדיקע. דער דזשוינט האָט די שטאָט געראַטעוועט.

ד״ר באָגען האָט מיר דאַן פאָרגעשלאָגן אַרבעטן אין „דזשוינט״. איך האָב אָבער זיך געוואַקלט צוליב געוויסע טעמים און ערשט מיטן אָנקומען, אָנהויב זומער 1920, פון ה׳ א. שאַהאַן האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין דזשוינט.

צוזאַמען מיט א. ווערטהיים (איצטיקער מיטאַרבעטער פון דזשוינט, מיין שוואָגער, געאַרבעט מיט אים צוזאַמען אין קאָפּע, רויטן־קרייץ און דזשוינט) האָבן מיר אָרגאַניזירט די הילף אין אַ שטיק וואָלין און פּאָדאָליע, וואָס זיינען געווען פאַרנומען דורך דער פּוילישער אַרמיי. די אַרבעט לויט איר פאַרנעם איז געווען אַ גראַנדיעזע.

אין יוני 1920 האָבן די פּוילישע מי פאַרלאָזט ראָוונע, וואו איך בין דאַן געווען. געבליבן בין איך אָפּצוהיטן די געגרינדעטע אַנשטאַלטן מיט אַ גרויסער סומע געלט. אויף פאַרוואַלטן מיט וועלכע ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ געהיימער קאָמיטעט.

באַלד ביים אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי בין איך צוליב אַ מסירה, אַז דאָס געלט איז באַשטימט קעגן די סאָוועטן, אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעמשפּט געוואָרן צום טויט. דער משפּט האָט געדאַרפט, ווי עס איז מיר געמאָלדן געוואָרן, אויסגעפירט ווערן אין דריי שעה אַרום. לאַנג צו דערציילן. בקיצור אָבער — איך בין באַפרייט געוואָרן און אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין קיעוו. אין ווינטער 1920 האָב איך איבערגענומען צו אָרגאַניזירן ביים „נאַרקאָמסאָבעז״ אין מאָסקווע הילף פאַר די פּאָגראָם־געליטענע. מיט מיר האָט אָנגעהויבן אַרבעטן נ. שטיף (בעל־דמיון, איצט פּראָפעסאָר אין קיעוו). ס׳האָבן אויך געוואָלט אָנהויבן אַרבעטן יעקב לעשטשינסקי, מאַדע און פיינליב פון פעטערבורגער „יעקאָפּאָ״. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ביי די באַדינגונגען, וואָס האָבן דאַן געהערשט, האָט זיך די אַרבעט ניט אַנטוויקלט און איך ווי אויך שטיף האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. אָנהויב 1921 בין איך געקומען ווידער קיין פּוילן און באַלד באַקומען די איינלאַדונג פון שאַהאַנען ווידער אָנהויבן אַרבעטן אין „דזשוינט״. מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די וואַרשעווער אָפּטיילונג פאַר הילף די היימלאָזע און גלייכצייטיק האָב איך, צוערשט מיט ה׳ שאַהאַן און נאָכדעם מיט ה׳ יעקב (זשאַק) שווייצער, אַ ברודער פון דוד שווייצער, אָנגעפירט די אַרבעט פון דער וואַרשעווער צענטראַלע פאַר די היימלאָזע. אין דערזעלבער אָפּטיילונג, אין פאַרשיידענע געגנטן, האָבן אויך געאַרבעט אַדוו. מ. זאַקאָן, ווערטהיים, פעפערמאַן, קאַלקער, י. ווערניק. בראָש פון דער היימלאָזע־אָפּטיילונג פאַר אייראָפּע איז געשטאַנען ד״ר בערנאַרד כהן און אַדאַנק זיין לאַנגיעריקער דערפאַרונג און חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער אַר-

---

*) איך וועל אָבער דערמאָנען נאָר איין פאַקט: בעת אַן אונטערזוכונג דורך דער באָלשעוויסטישער מאַכט ביי אַ שכן האָט מען ביי אונז על פי צופאַל אָנגעטראָפן און רעקווירירט דעם גאַנצן זילבער און געלט, ירושה פון פיל דורות פון אַ גרויסער ווערט. איך בין געקומען אַהיים פון וועג און געטראָפן מיין מוטער אַבסאָלוט רואיק. אַז איך האָב געפרעגט פאַרוואונדערט צי ס׳אַרט זי גאָרניט דאָס אָנווערן די ירושה־זאַכן פון טשערנאָבילער און טשורנאַ׳ער זיידעס, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי זעט אין דעם אַ חסד פון רבש״ע. וואָס מען האָט דאָס ביי איר צוגענומען און זי ניט געשטעלט אין נסיון, וועלכן זי וואָלט אפשר ניט אויסגעהאַלטן, אַז ווען קינדער שטאַרבן פון הונגער זאָל זי האָבן אַ פאַרמעגן און ניט פאַרקויפן דאָס בכדי זיי צו ראַטעווען. איך וואָלט זיך פאַרזינדיקט פאַר גאָט און ער האָט מיר אויסגעהיט פון דעם חטא.

כטש איז די אָפּטיילונג געשטאַנען אויף א הויכן אידעאישן און געזעלשאַפטלעכן ניוואָ.

כדאי צו דערמאָנען די גרויסע ארבעטן אויסער דער געוויינלעכער אַרבעט פאַר ז׳ הײמלאָזע. דאָס איז די אומגעהויער גרויסע אַרבעט פאַר די רעפאַטריאַנטן. די ארבעט פאַר די קינדער אין בריסק און די גרויסע בוי-ארבעט פאַר די רעפאַטריאַנטן אין זעלבן בריסק, וואו אויסער א ריי הייזער פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן זיינען אויסגעבויט געוואָרן איבער 400 וואוינונגען. איך דערמאָן זיך מיט דער טיפסטער צופרידנקייט וועגן מיין אקטיוון אָנטייל אין די דאָזיקע גרויסע ארבעטן.

נאָך א הפסקה פון לערך צוויי יאָר, ווען איך האָב פאַרוואַלטעט מיטן פאַרלאַג „קולטור-ליגע" אין וואַרשע, בין איך אין אָנהויב 1926 ווידער איינגעלאַדן געוואָרן דורכן דירעקטאָר פון „דזשוינט" אין אייראָפע ד״ר בערנאַרד כהן אויף אָנפירן מיט דער באַנייטער טעטיקייט פון „דזשוינט" אין פוילן, וועלכע איך פיר אויך אַז ביז אויף היינטיקן טאָג.

מיין ארבעט אין דעם איצטיקן פעריאָד, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די גרויסע נעץ פון 600 גמילות-חסדים-קאַסעס, וואָס האָבן אַזוי ברייט זיך אַנטוויקלט, איז שוין אָבער נים קיין געשיכטע, נאָר צאַפּלדיקע געגנוואַרט און וועגן דעם וועלן די לעזער זיכער געפינען אין אַנדערע טרטער פון פנקס.

מיט דעם האָב איך איינגעטלעך געענדיקט. איך האָב אָבער צוליב מאַנגל אין פלאַץ געמוזט דורכלאָזן פיל וויכטיקע מאָמענטן פון א געוויסן היסטאָרישן ווערט. איך האָב נים דערמאָנט, למשל, וועגן א וויכטיקער זיצונג וועגן די פאָגראָמען מיטן מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע רעוואוצקין, אויף וועלכער ס׳האָבן אָנטיילגענומען די, וועלכע האָבן די פאָגראָמען אָרגאַניזירט, און טאַקע כמעט ווי מודה געווען דיך אין דעם (ז. אין בוך פון רעוואוצקין, אין זאַמל-בוך פון טשעריקאָווער און אין בוך וועגן די פאָגראָמען פון פראָפ. חפץ). איך האָב זיך נים אָפּגעשטעלט, למשל, אויף א וויכטיקער זיצונג אין וואַרשע אין יאָר 1918 בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע וואוהין איך בין געווען דעלעגירט פון אונזער קאָמיטעט (געפּאָרן, דרך אגב, מיט דער פור פון זשיטאָמיר ביז בראָד׳) וועגן דער פראַגע צו נאָרמאַליזירן דעם צוריקקער פון די היימלאָזע. אויף דעם שוואַרצבאַרד-פראָצעס, אויף וועלכן כ׳בין אַרויסגערופן אַלס עדות און נאָך און נאָך.

איך האָף, אַז ווען ביי גוטע באַדינגונגען וועט אַרויסגעגעבן ווערן א צווייטער באַנד פון פנקס, וועל איך זיך באַמיען ממלא זיין די בלויזן.

(אויטאָביאָגר.)

וויגאָדסקי יעקב, ד״ר. איך בין געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1856 אין א מיטל-סוחריש-חסידישער משפחה אין באָברויסק. ביז 14 יאָר אויפגעהאָדעוועט זיך אין א טיף-רעליגיעזער סביבה פון ליובאַוויטשער חסידים. איך בין געווען דער עלטסטער פון מיינע זיבן ברידער. געלערנט אין חדר, אַרויסווייזנדיק „גרויסע" פעאיקייטן. פון צוועלפטן יאָר אָן געשמט פאַר אן עלוי.

ווען איך בין אַלט געווען צען יאָר איז מיין פאָטער ע״ה אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט ליפערונגען פאַרן רוסישן מיליטער (קאָזאַקן). פון דאַן אָן פלעגט ער צו אונז אין באָברויסק קומען נאָר פון צייט צו צייט; זיין שטענדיקער וואוינאָרט איז געווען אין ווילנע. מיין מוטער ע״ה, זייער א פעאיקע, קלוגע און ענערגישע פרוי, האָט צו דער צייט געמוזט אַליין אויך שטאַרק צואַרבעטן, כדי צו קענען מפרנס זיין אונזער גרויסע משפחה.

ביז 10 יאָר בין איך געווען דער גרעסטער שטיפער אין שטאָט, פאַר וועמען קיין מעשה איז נים געווען צו קליין. פון דאַן אָן אָבער בין איך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אויסערגעוויינלעכער השפעה פון מיין נייעם רבין, אברהם בער ירמיהו׳ס, א געניאַלן תלמודיסט און א בקי אין קבלה, וועלכער איז געווען בלב ונפש איבערגעגעבן דער שיטה פון „דעם ליובאַווישער רבין". אברהם-בער איז געווען א נזיר אין פולן זין פון וואָרט: ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט מיט אירע הבלי-הבלים און אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער תורה און קבלה. אין די ביידע וועלטן האָט מיך אברהם-בער טיף און ברייט אַריינגעצויגן... ער האָט מיך געמאַכט פאַר אן עלוי, ער האָט מיך אָפּגעריסן פון דער וועלט און געמאַכט פאַר א בעל-חלומות פון חסידיש-קבלהדיקן שניט. ער האָט אָבער אין מיר אַזוי טיף פאַרפלאַנצט די יידישקייט, אַז קיין שטורעם און קיין „סטרא אחרה" האָט זי נאָכדעם נים געקענט אינגאַנצן בייקומען...

ווען איך בין אַלט געווען עלף יאָר, האָט מיין פאָטער, וועלכער איז דאַן געשטאַנען אונטער דער השפעה פון השכלה, אָנגעהויבן צושיקן מיר השכלה-ביכער מכל המינים. דאָס האָט געהאַט א געוואַלטיקע השפעה אויף מיין גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. איך האָב זיך אויסגעלערנט א ביסל דייטש פון משה מענדעלסאָנס חומש מיט דעם תרגום אשכנזי. ווייטער האָב איך זיך אַליין אָדער כמעט אַליין אויסגעלערנט רוסיש. נים קיין פולע פערצן יאָר אַלט, האָב איך דערקלערט, אַז איך וויל אַנקומען אין גימנאַזיע. נאָך קנאַפע אַנדערטהאַלבן יאָר צוגרייטן זיך האָב איך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען צום פינפטן קלאַס קלאַסישע גימנאַזיע אין מאַריאַמפּאָל (סואַלקער גוב.).

אין דעם משך פון די 4 יאָר, וועלכע איך האָב זיך געלערנט אין גימנאַזיע, בין איך געווען די גאַנצע צייט דער ערשטער תלמיד און האָב באַקומען ביים פאַרענדיקן די גימנאַזיע דעם איינציקן מעדאַל, וועלכע די גימנאַזיע האָט דאַן אַרויסגעגעבן.

אין גימנאַזיע האָב איך אַרויסגעוויזן, ווי די לערער האָבן געזאָגט, גרויסע פעאיקייטן צו מאַטעמאַטיק און ליטעראַטור, דער עיקר צו מאַטעמאַטיק.

נים קוקנדיק אויף מיין ליבע צו מאַטעמאַטיק און אויף דעם, וואָס דער פעדאַגאָגישער ראַט האָט מיך, נים פרעגנדיק אפילו, פאַרשריבן אויף דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט (אָפּט. ריינע מאַטעמאַטיק), האָב איך סוף-כל-סוף געמוזט לאָזן זיך איבעררייסן פון מיינע חברים און פריינד, וועלכע האָבן מיר אויפגעוויזן אויף דער ראַמאַלסטיקער געדריקטער לאַגע פון מיינע עלטערן און אויף דער נים דערלאָזבאַרקייט „צו הענגען ביי זיי אייביק אויפן האַלדז"... איך בין אָנגעקומען אין דער קייזערלעכער (פריערמעדיציניש-כירורגישער, דערנאָך מיליטער-מעדיצינישער) אַקאַדעמיע אין פעטערבורג, וועלכע איך האָב פאַרענדיקט אין יאָר [illegible].

אַלס סטודענט, בין איך דעם ערשטן יאָר געווען אַריינגעפאַלן אין א שטאַרק קאָנספיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע רוסישע חברה. פון צווייטן יאָר אָן, האָב איך זיך, וואָס ווייטער, אַלץ מער אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון דער פּאָליטיק און אַריינציען זיך אַלץ טיפער אין דער וויסנשאַפט.

שרייבן האָב איך אין דער סטודענטנצייט זייער ווייניק געשריבן. אויב אין גימנאַזיע האָב איך נאָך אַמאָל געשריבן העברעאיש, איז אין דער הויכשול מיין גאַנצער שרייבן געווען רוסיש. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער איינציקער לשון, אין וועלכן איך האָב געשריבן שירים, איז געווען העברעאיש. מיין ערשטן שיר, א לאַנגן פאַטריאָטיש-יידישן שיר, האָב איך אָנגע-

שריבן אין העברעאיש. איך האב געקענט דאן אלט זיין ביי צען יאר.

נאכן פארענדיקן די אקאדעמיע בין איך די צווייטע העלפט פון יאר 1882 און די ערשטע העלפט פון 1883 פארבליבן אין פעטערבורג, וואו איך האב געארבעט אין דער גינעקאלאגישער קליניק (פראפעסאר הארוויץ) און אין דער אינערלעכער (פראפעסאר אייכוואלד). נאכדעם בין איך אוועקגעפארן קיין אויסלאנד, וואו די מעדיצינישע וויסנשאפט איז דאמאלסט געשטאנען העכער, ווי אין רוסלאנד. איך האב זיך דער עיקר אין ווין פארפולקומט און ספעציאליזירט. אין יאר 1884 האב איך זיך באזעצט אלס גינעקאלאג (פון אנהויב אויך אלס קינדער־ארצט) אין ווילנע. איך בין געווען, דוכט זיך, דער ערשטער דאקטאר אין ווילנע, וועלכער האט ארויסגעהאנגען א שילד, אז ער נעמט אן נאר ספעציעלע קראנקע.

ביסלעכווייז האט זיך ביי מיר אין משך פון עטלעכע יאר אנטוויקלט א זייער גרויסע פראקטיק.

איך האב אין משך פון מיין לאנגער ארבעט אין ווילנע פארעפנטלעכט איבער הונדערט מיטעלע און קלענערע וויסנשאפטלעכע ארבעטן אין רוסיש, דייטש און פויליש. דער עיקר אין די פראטאקאלן פון דער אימפעראטארישער ווילנער מעדיצינישער געזעלשאפט, אין „זשורנאל אקושערסטווא אי זשענסקיך באלעזניי", „צענטראל־בלאט פיר גינעקאלאגיע", „גאזעטא לעקארסקא" א. א.

איך האב שוין אין די ניינציקער יארן אנגעהויבן, הגם ניט אפט, צו שרייבן פובליציסטישע ארטיקלען אין רוסיש. צו א סיסטעמאטישער און ברייטער פובליציסטישער ארבעט בין איך אריבערגעגאנגען ערשט פון אנהויב צוואנציקסטן יארהונדערט. געשריבן האב איך רוסיש, דער עיקר אין די „פראגרעסיווע" ווילנער רוסישע צייטונגען. יידיש האב איך אנגעהויבן שרייבן אין א דייטשער תפיסה בשעת דער וועלט־מלחמה אין יאר 1917. פון דאן אן האב איך געשריבן כמעט אויסשליסלעך יידיש. דער עיקר אינהאלט פון מיין פובליציסטישן שרייבן, ווי אגב פון מיין פאליטישער גאנצער ארבעט איז געווען דער קאמף פאר רעכט פון די אונטערדריקטע. דער עיקר אבער — פאר יידישע רעכט.

איך האב אין משך פון מיין גאנצער ארבעט אין ווילנע, ניט קוקנדיק אויף מיין ריזיקער פראקטיק, שטענדיק פארפאלגט מיין פאך־ליטעראטור אין דייטש, פראנצויזיש און רוסיש. איך האב דערביי פארפולקומט מיין בילדונג מיטן ערנסטן שטודיום פון די עקאנאמישע און יורידישע וויסנשאפטן.

איך האב אויך אונטערגענומען נסיעות אין דייטשלאנד און פראנקרייך מערערע מאל, כדי אונטערצולערנען זיך אין די בעסטע אייראפעאישע קליניקעס *).

סוף אכציקער אדער גאר אנהויב ניינציקער יארן בין איך אריינגעטראטן אין דער ציוניסטישער פארטיי. אין די אלגעמיין־פאליטישע, ווי געזעלשאפטלעכע פראגן בין איך שטענדיק געווען א לינקער.

איך האב שוין פון די ערשטע יארן פון מיין וואוינען אין ווילנע זיך באשעפטיקט מיט יידישע כלל־ענינים, זייענדיק אן אקטיווער מיטגליד פון די אלע צענטראלע יידישע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן מיט זיך פארגעשטעלט א סוראגאט פון א יידישער קהילה. מיין השפעה אין די אלע ארגאניזאציעס איז געווען א באדייטנדע, דער עיקר אין די פאליטישע פראגן, ארטיקע ווי אלגעמיינע.

דער קאמף פאר יידישע רעכט איז אויך דא געווען דער יסוד פון מיין גאנצער ארבעט.

נאך צען יאר בערך פון מיין מיטארבעט אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ווילנע, בין איך ארויסגעטראטן פון איר „צוליב ניט קענען פאראייניקן מיינע (דעמאקראטישע) עקאנאמישע אנשויאונגען מיט דעם פאליטישן ציוניזם"...

איך מוז אבער זאגן, אז ניט קוקנדיק אויף דעם בין איך די גאנצע צייט געשטאנען זייער נאענט און קיינמאל ניט פיינדלעך צום ציוניזם. אין יאר 1918 לפי ערך בין איך ווידער אריינגעטראטן אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואו איך שטיי בראש אין ווילנע ביז אויף היינטיקן טאג.

אין אנהויב פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע (1905) האב איך אינאיינעם מיט די ברידער ראם (ד״ר גרשון און אליהו) געגרינדעט אין ווילנע אן אפטיילונג פון דער רוסישער קאדעטישער פארטיי פאר ווילנער געגנט. זי איז די גאנצע צייט פון איר קיום געבליבן נאר א יידישע ק. ד. פארטיי, ווייל די ניט־יידישע נאציאנאליטעטן האבן זיך אפגעזאגט אהיינצוטרעטן אין איר. דעריבער האבן זיך אלע אונזערע באמיאונגען צו בילדן אין ווילנע א „גובערנסקי קאמיטעט" פון דער ק. ד.־פארטיי ניט איינגעגעבן. נאך א 5—6 יאר פון מיין באטייליקן זיך אין דער ארבעט פון דער ק. ד.־פארטיי האב איך זי פארלאזן, ווייל איר נאציאנאליטעטן־פראגראם, הגם טעארעטיש א גאנץ ברייטע און גוטע האט זיך פראקטיש ארויסגעוויזן פאר א פוסטן ענין, מחמת מיליוקאוו האט מורא געהאט צו שטעלן די יידישע פראגע אין „דומע" אין איר גאנצער ברייט, כדי ניט צו קאמפראמיטירן די ק. ד. אין די אויגן פון די רעכטע, וועלכע וואלטן דאן די ק. ד. פארשריען פאר „יידן". ער האט דעריבער געטענהט, אז די יידישע גלייכבארעכטיקונג האט סיי ווי קיין שאנסן ניט צו באקומען א רוב אין דער דומעי. דערמיט איז דער קאמף פאר יידישע רעכט מצד די ק. ד. כמעט אוממעגלעך געווארן **).

איך בין ארויס פון דער ק. ד.־פארטיי.

מיין ביאגראפיע אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה ביז צום יאר 1922 איז מערסטנס פארשריבן געווארן אין מיינע געדרוקטע זכרונות: „אין שטורם" ***) און „אין גהינום" ****).

אין יאר 1922 בין איך אויסגעקליבן געווארן פון נאוואגרודקער קרייז אלס סיים־דעפוטאט אין דעם צווייטן סיים אדער אין דעם ערשטן געוויינלעכן („ארדינארייני") סיים, ווייל דער ערשטער איז געווען א גרינדונגס־סיים. איך האב געארבעט דער עיקר אין דער בילדונגס־קאמיסיע פון סיים, בלייבנדיק דערביי אין שטענדיקן קאנטאקט מיט דעם בילדונגס־מיניסטעריום.

אין יאר 1927 בין איך אויסגעקליבן געווארן פון דער שטאט ווילנע (פון דער יידישער באפעלקערונג) אין דעם דריטן סיים (אדער דעם צווייטן געזעצגעבערישן). בפרטיות וועגן מיין ארבעט אין די ביידע סיימען וועל איך מיטטיילן אין מיין דריטן זכרונות־בוך, וועלכן איך שרייב אונטערן נאמען „אין סמבטיון".

דא וויל איך נאר בקיצור באמערקן, אז איך בין געווען (אין דער סיים־בילדונגס־קאמיסיע) כמעט דער איינציקער רעפערענט פון די אלע יידישע געזעץ־פראיעקטן, וועלכע זיינען פאר דער גאנצער צייט פון מיין ארבעטן אין סיים באטראכט געווארן דורך דער בילדונגס־קאמיסיע, חוץ א פאר ריין רעליגיעזע פארשלאגן.

איך בין אין דער סיים־בילדונגס־קאמי-

---

*) מיט א יאר 8 בערך פאר דער וועלט־מלחמה האב איך אינאיינעם מיט עטליכע יונגע דאקטוירים געגרינדעט אין ווילנע די ווילנער יידישע מעדיצינישע געזעלשאפט אונטער דעם נאמען: „ווילנער יידישער דאקטוירים־קרייזל". די ערשטע יארן בין איך געווען דער איינציקער פארזיצער פון דער געזעלשאפט.

**) אין דער ערשטער דומע, וואוהין ווילנער יידן האבן געקענט קלייבן נאר א „קאנדידאט", בין איך מיט א גרויסער מערה״ט אויסגעקליבן געווארן פון דער ווילנער יידישער באפעלקערונג אלס קאנדידאט אין „דומע".

***) אין שטורעם (זכרונות פון די אקופאציע־צייטן). ווילנע 1926, פארלאג פון ב. קלעצקין. זייטן 287.

****) אין גיהנום (זכרונות פון די דייטשע תפיסות בשעת דער וועלט מלחמה). ווילנע, 1927. פארלאג פון ב. קלעצקין. זייטן 114.

רעד.

מיט די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון דער יידישער קולטור, קעמפנדיק באַר איר גלייכבאַרעכטיקונג.

דעם עיקר קאַמף האָב איך געפירט פאַר דעם העברעאישן און יידישן שול-וועזן.

איך האָב הוצדעם מיט אַלע בילדונגס-מיניסטאָרן, וועלכע זיינען פאַר דער גאַנצער צייט געווען אין פוילן, און מיט די דירעקטאָרן פון די פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן פון דעם בילדונגס-מיניסטעריום געפירט שטענדיקע אונטערהאַנדלונגען און וויכוחים וועגן שאלות פון יידישער קולטור בכלל און בפרט — פון יידישע שולן. וואָס האָט מיט גרויסע שוועריקייטן, אָבער דאָך אַ ביסל אַ ריר געטאָן דעם וואָגן פון אָרט, אַראָפּרוקנדיק אים פון דעם טויטן פונקט, אויף וועלכן ער האָט זיך פון אָנהייב אָן אוועקגעשטעלט אין דער בלאָטע פון דעם אַנטי-סעמיטיזם...

די קאָנקרעטע דערגרייכונגען אין דעם פרט זיינען געווים געווען זייער קליינע, כמעט נישטיקע, אָבער די מאָראַלישע זיינען בכלל געווען ניט קיין זייער שלעכטע...

ווייטער האָב איך פאַר דער צייט פון צוויטן סיים צונויפגערופן די קאָנפערענצן פון פאַרשטייער פון יידישע קהילות (פון ווילנער קאַנט, פון נאָוואָגרודקער און פון די מזרח-קרעסן), אויף וועלכע עס איז אָנגענומען געוואָרן כמעט פה-אחד דער פּראָיעקט פון קהילה-תקנות פאַר אַ נאַציאָנאַל-וועלטלעכע קהילה מיט אַ ברייטן קאָמפּעטענץ-קרייז, וועלכע איך האָב אַלע דריי קאָנפערענצן פאָרגעלייגט*).

איך האָב אַ פּאָר מאָל די דאָזיקע החלטות געשיצט קורץ פאַרן סיים.

אין דעם צווייטן סיים איז מיר אויך געלונגען דורכצופירן 2 אַרבעטער-געזעץ-פּראָיעקטן, וועלכע איך האָב אַריינגעטראָגן פון מיין איניציאַטיוו אין דער פינאַנס-קאָמיסיע: איינעם וועגן אָנטשעדיקונג פאַר די אַרבעטער פון די מאָנאָפּאָליזירטע טאַבאַק-פאַבריקן, דער עיקר יידישע, וועלכער איז סוף-כל-סוף דורכגעגאַנגען דורכן סיים און וועלכער איז אַריין אין לעבן, ניט קוקנדיק אויף די גוואַלדיקע מניעות, וואָס זיינען אי מצד פון סיים, אי מצד פון דער רעגירונג דערביי געשטעלט געוואָרן אין וועג.

דעם צווייטן געזעץ-פּראָיעקט וועגן אָננעמען יידישע אַרבעטער אויף אַרבעט אין די מלוכה-מאָנאָפּאָלן און מלוכה-אונטערנעמונגען האָב איך דורכגעפירט דורך אַלע דריי לייענישן אין דער פינאַנס-קאָמיסיע.

צום סיים אָבער האָט אים די „כיענע-פּיאַסטישע“ מערהייט מיט דער הילף פון דעם מאַרשאַלעק ראַטאַי ניט דערלאָזן אין משך פון איבער צוויי יאָרן.

אין דעם איצטיקן סיים האָט זיך מיין עיקר אַרבעט אויסגעדריקט אין צוויי גרויסע און אויסשעפּנדיקע רעפעראַטן אין דער בילדונגס-קאָמיסיע (איבער נומערוס קלאַוזוס און — איבער דער „מתים-פראַגע“) און אין אַ ריי אַרויסטרעטונגען אין קאָמיסיעס און אויפן פולן סיים (דער עיקר — בודזשעט-רעדעס).

איך בין אַ מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע און פון אַ גאַנצער ריי געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס.

איך בין פאָרזיצער פון ראַט פון דער ווילנער יידישער קהילה און מיטגליד פון ווילנער שטאָטראַט.

(אויטאָביאָגר.)

יאַכעלמאַן דוד שלמה, ד״ר. איז געבאָרן ר״ח אדר 1860 אין פאָסטאַוו (ווילנער גוב.). זיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן, לייב יאַכעלמאַן, אָדער, ווי מ׳פלעגט

אים געוויינלעך רופן, לייבע דאָבימקער אויפן נאָמען פון דער פוילישער קרעטשמע, וועלכע די פאַמיליע האָט געהאַלטן אין אַרענדע אין משך פון עטלעכע דורות.

אַז יאַכעלמאַן איז אַלט געוואָרן עלף יאָר, האָט אים זיין פאָטער אוועקגעפירט צופוס קיין ווידז, וואו ער איז אָפּגעווען צוויי יאָר אין פאַרשיידענע ישיבות. אַ 14-יאָריקער „גייט“ ער קיין ווילנע, וואו ער טרעט אַריין אין ראַמיילעס קלויז אין 1-טן שיעור, פון וועלכן דער ראש-ישיבה איז געווען ר׳ שמואל פעסקין. וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט דורך זיין טאָלעראַנטן פאַרהאַלטן זיך צו אַלגעמיינער בילדונג און איז צוליב דעם געווען באַטראַכט מיט גרויס פאַרדאַכט פון אַלע אַנדערע ראשי-ישיבה.

אין לעצטן שיעור אָרגאַניזירט יאַכעלמאַן די עלטערע ישיבה-בחורים צו אַ קאַמף מיט דער פאָדערונג, אַז אין דער ישיבה זאָלן געעפנט ווערן קלאַסן פאַר לערנען רוסיש. עס צעברעכט זיך אַ מחלוקה און דער רעזולטאַט איז, אַז יאַכעלמאַן מיט זיינע חברים ווערן געצוואונגען צו פאַרלאָזן די ישיבה. הגם ווייטער פאָדערונג איז אַ ביסל שפּעטער דאָך צופרידנגעשטעלט געוואָרן. יאַכעלמאַן וואָלגערט זיך אַ לענגערע צייט אין קלענערע קלויזן, צוגרייטנדיק זיך אַריינצוטרעטן אין גימנאַזיע, און גלייכצייטיק פאַרבערייטנדיק זיך אויף „סמיכה“. זיין חלום איז צו ווערן אַ ראַבינער. נאָר אָרעמקייט צווינגט אים אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע פּלענער און אָנצונעמען אַ לערער-שטעלע אויף אַ ישוב ביי אַ רייכן ישובניק פאַר 20 רובל אַ זמן. מיט דעם דערוואָרבענעם קאַפּיטאַל קומט ער צוריק קיין ווילנע, זעצט פאָר זיינע אָנשטרענגונגען, אָבער זיין געזונט האַלט ניט אויס די דחקות און ער נעמט ווייטער אָן אַ שטעלע אין אַ קאָלאָניע פון יידישע ערד-אַרבעטער פאַנאַסישעק, איינע סטאַנציעס פון ווילנע, וואו ער באַקאַנט זיך צום ערשטן מאָל מיטן לעבן פון יידישע קאָלאָניסטן. ער באַזוכט צופוס אַלע יידישע קאָלאָניעס, וועלכע ליגן אין יענער געגנט, און באַקאַנט זיך נעענטער מיט דער געשיכטע פון יידישער קאָלאָניזאַציע.

ער קערט זיך אום צוריק אַלס הייסער אָנהענגער פון דער נויטווענדיקייט פאַר יידן אָנטיילצונעמען אין ערד-אַרבעט און שליסט זיך אָן מיט דער גאַנצער וואַרעמקייט פון זיין טעמפּערער נאַטור אָן דער חיבת-ציון באַוועגונג. צוליב פאַמיליען-פאַרהעלטענישן פאַרלאָזט ער באַלד ווילנע און גיט זיך ווידער אָפּ מיט לערעריי אויף ישובים, וואו זיין פאַרדינסט שטייגט שוין צו ביז 15 רובל אַ זמן, און באַזעצט זיך אין מיכאַלישעק, וואו ער גרינדעט צוזאַמען מיט דעם שפּעטערדיקן רב ר׳ יעקב פלעקסער, דעם מחבר פון „למען ציון“, אַ חיבת-ציון-פאַראיין, וועלכער הייבט אָן צו קלייבן אונטערשריפטן אויף די אַקציעס פון דער יידישער קאָלאָניאַל-באַנק. פאַמיליען-פאַרהעלטענישן צווינגען יאַכעלמאַנען ווידער צו זוכן פרנסה. ער ווערט ווידער אַ לערער אין מיכאַלישעק גופא, און דאָן ביי די רייכסטע ישובניקעס אין דער געגנט, וואו זיין געהאַלט שטייגט שוין צו 120 רובל אַ זמן. די דאָזיקע גרויסע פאַרדינסטן געבן אים שוין אַ מעגלעכקייט אויף צו זאַמלען אַ „קאַפּיטאַל“, וואָס זאָל קענען אים אויפהאַלטן אַ 6—7 חדשים. און אין יאָר 1900, שוין אין עלטער פון 40 יאָר, קומט ער אָן אין אוניווערסיטעט אין בערן. ער טרעט דאָרטן באַלד אַריין אין דעם אַקאַדעמישן ציוניסטישן פאַראיין, וואו ער ווערט מיטגליד פון פאַרוואַלטונג און דערנאָך פאָרזיצער, אין וועלכן אַמט ער פאַרבלייבט ביז די שפּאַלטונגען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווען יאַכעלמאַן ווערט דער

---

*) דעם זעלבן פּלאַן פון קהילה-אָרגאַניזאַציע האָב איך מערערע מאָל אויפן ווונטש פון [illegible] צוגעשטעלט כמעט אַלע פּוילישע רעגירונגען (ז. „אין שטורם“).

פירער פון די אוגאנדיסטישע, און נאכדעם פון די טעריטאריאליסטישע סטודענטן. דער דאזיקער פעריאד איז געווען אזוי צו זאגן דער שטורם- און דראנג-פעריאד אין לעבן פון די יידישע און רוסישע סטודענטן אין דער שווייץ. צווישן זיי האבן זיך אין יענער צייט געפונען די שפעטער באקאנטע רעפרעזענטאנטן פון דער נאציאנאלער און רעוואלוציאנערער באוועגונגען פון יידן און רוסן. אין בערן, וואו ס'איז געווען דער צענטער, האבן זיך דאן געפונען צווישן אנדערע: זשיטלאווסקי, אנ—סקי, ש. ראזענפעלד, היסין, קלאצקין, קלויזנער, ווייצמאן, פאסמאניק, יעקב כהן, בארוכאוויטש, העלמאן, מאסינזאן, גאטליב, מעטמאן—כהן, באגראטשאוו, קאפעל (מוקדוני), צביון און פון ניט-יידן: לענין, טראצקי, משטרנאוו, זינאוויעוו, די שוועסטער אקסעלראד און פיל אנדערע.

יאכעלמאן ווערט זייער באפריינדעט מיט די סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן, דערהויפט מיט אנ—סקין, די פריינדשאפט מיט וועלכן דויערט ביז צום סוף פון לעצטנס לעבן. זיין הויפט-טעטיקייט אבער בלייבט אין דער יידישע ספערע, צווישן דער נאציאנאליסטישער סטודענטשאפט. ער גרינדעט די ערשטע יידישע כשרע קיך פאר די סטודענטן, ער ארגאניזירט א „דוברי-עברית“ פאראיין, פון וועלכן ער ווערט דער פארזיצער א. אז. וו.

נאכן 5-טן ציוניסטישן קאנגרעס סוף 1901 פארבינדט זיך יאכעלמאן מיט די אוגאנדיסטן, טרעט ארויס פון אקאדעמישן ציוניסטישן פאראיין און שאפט א פאראייניגונג פון סטודענטן, וועלכע סימפאטיזירן מיטן אוגאנדע-פראיעקט. די נאענטסטע מיטארבעטער זיינען: קלאצקין, מלמד, נאכט, העלמאן, גאטליב, גליקסאן א. א. א גרויסער טייל פון די ארבעטן פון די אוגאנדיסטן אין פארשיידענע לענדער ווערט אריבערגעטראגן אין בערנער אקאדעמישן אוגאנדיסטישן פאראיין און ווערט דארט פארגעזעצט ביז צו דעם 7-טן קאנגרעס. א ריי פארבעדייטונגען פון דער שפעטערדיקער טעריטאריאליסטישער ארגאניזאציע ווערן אויסגעארבעט און ארגאניזירט פון דעם דערמאנטן בערנער פאראיין. דער וויכטיקסטער רעזולטאט פון דעם פאראיינס ארבעט איז געוועזן זיין אריינטרעטן אין קארעספאנדענץ מיט ישראל זאנגוויל און דאס באאיינפלוסן אים צו ווערן דער פרעזידענט פון דער טעריטאריאליסטישער ארגאניזאציע.

צום 7-טן ציוניסטישן קאנגרעס אין יולי 1905 איז יאכעלמאן געווען א דעלעגאט פון די לינקע מינסקער ציוניסטן און איינער פון די פירער פון די אוגאנדיסטן, נאכדעם טעריטאריאליסטן. מיט יאכעלמאן, יאסינאווסקי, יאצקאן, פינקעלשטיין, חזן, נאכט, זאלקינד א. א., צוזאמען 70 דעלעגאטן, ווערט אין שאפראן-זאל אין באזעל געגרינדעט די יידישע נאציאנאלע טעריטאריאליסטישע ארגאניזאציע „ינטא“. אין משך פון דריי טעג ווערן געפירט אונטערהאנדלונגען מיט זאנגווילן, ער זאל ווערן דער פרעזידענט. זאנגוויל אבער שטעלט געוויסע שווערע פאדערונגען, נאר צום סוף ווערט מען מושווה אויף א פשרה: מ'גיט אויף דעם „נ“ (נאציאנאלע), די ארגאניזאציע באקומט דעם נאמען „יטא“. זאנגוויל אבער שטעלט יאכעלמאנען א פערזענלעכע באדינגונג, אז ער, יאכעלמאן, מוז אריבערפארן קיין לאנדאן און איבערנעמען די פראקטישע לייטונג פון דער ארגאניזאציע. הגם דער פלאן געפינט זיך אין א פולשטענדיקן קעגנזאץ צו יאכעלמאנס פערזענלעכע אינטערעסן, איז ער, צוליב די אינטערעסן פון דער „יטא“, מסכים צו זאנגווילס פאדערונג, און אין עטלעכע חדשים ארום פארט ער אריבער קיין לאנדאן.

יאכעלמאן ווארפט זיך באלד אריין אין דער דורכפירונג פון א נייעם פראקטישן פלאן: די רעגולירונג פון דער יידישער עמיגראציע, וועלכער איז נאכדעם באקאנט געווארן אונטער דעם נאמען — די גאלוועסטאנער עמיגראציע. די טעארעטישע זייט פון דעם פלאן איז געווען פאלגנדע: די יידן פון רוסלאנד און פון מזרח-אייראפע בכלל זיינען געצוואונגען, צוליב פאליטישע און עקאנאמישע סיבות, צו עמיגרירן. די פאראייניקטע שטאטן זיינען דער צענטער פאר אט דער יידישער אימיגראציע. די אמעריקאנער לייבאר-פארטיי איז קעגן אימיגראציע און פירט א קאמף פאר די איינפירונג פון באגרענצונגס-געזעצן קעגן דער אימיגראציע. דער פועל-יוצא איז — מען מוז זוכן א וועג ווי צו פארהיטן, אז די אמעריקאנער טויערן זאלן ניט געשלאסן ווערן.

איינער פון די וועגן צו פארהיטן די קאטאסטראפע דארף זיין אפצוציען א טייל פון דער אימיגראציע פון ניו-יארק, באסטאן א. אז. וו. צו די דרומדיקע שטאטן, ווי גאלוועסטאן, ניו-ארלעאנס, וואו עס פילט זיך א מאנגל אין ארבעטער, און וואו די אימיגראציע האט קיין קעגנער ניט. דער פלאן ווערט סימפאטיש אויפגענומען פון די ראטשילדס אין לאנדאן און אין פאריז, יעקב שיף שטיצט דעם פלאן זייער ווארעם און אסיגנירט א מיליאן דאלאר אויף זיין דורכפירונג. ס'ווערן געגרינדעט ספעציעלע קאמיטעטן אין ניו-יארק און גאלוועסטאן, א צענטראל-קאמיטעט ווערט געגרינדעט אין לאנדאן, אין וועלכן עס גייען אריין אייניקע פון די אנגעזעענסטע יידישע כלל-טוער און גבירים אין ענגלאנד, ווי לארד און לעאפאלד ראטשילד, דער מאלער סאלאמאן, דער סאציאליסט אידער, די שריפטשטעלערין מיס קארמעל גאלדשמיד א. א. ד"ר יאכעלמאן ווערט באשטימט אלס דירעקטאר און פארט אריבער קיין קיעוו, וואו ער גרינדעט א ספעציעלן קאמיטעט מיט ד"ר מאנדעלשטאם בראש און מיט אפטיילונגען און פארטרעטונגען אין בערך הונדערט פונקטן אין רוסלאנד און אויסלאנד. די ארבעט ווערט שטארק באקעמפט פון ארגאניזאציעס, פארטייען און יחידים, אבער דאנק דער טעטיקייט פון א באדייטנדער צאל איבערגעגעבענע טעריטאריאליסטן-פאנאטיקער און ס. ס.-אווצעס ווערט די גאלוועסטאנער אימיגראציע געקרוינט מיט ערפאלג. זי שטארקט זיך און פארפולקאמט זיך, זי געווינט די סימפאטיע און אונטערשטיצונג פון אמעריקאנער פרעזידענט טאפט און פון דער אדמיניסטראציע אין וואשינגטאן בכלל. אן ערך 10.000 מענטשן ווערן אריבערגעשיקט. נייע אנציאונגס-פונקטן פאר אימיגראציע ווערן געשאפן אין די דרום- און מערב-שטאטן און טויזנטער עמיגראנטן פון מזרח-אייראפע פארן שוין אליין אין יענע מקומות צו זייערע פריינד און באקאנטע אן דער הילף פון די גאלוועסטאנער קאמיטעטן, און ווער ווייס וועלכע ווירקונג א מער געלונגענע דורכפירונג פון אט דעם פלאן, אין משך פון דער צייט, וואלט געקענט האבן אויף די אמעריקאנער געזעצגעבונג וועגן אימיגראציע. ווען דער פלאן וואלט ווייטער פארגעזעצט געווארן. צום אומגליק אבער איז די גאלוועסטאנער עמיגראציע פלוצלונג אפגעשטעלט געווארן צוליב דער וועלט-מלחמה.

נאך פאר דער מלחמה, אין 1913, איז ד"ר יאכעלמאן, צוליב זיין אנגעשטרענגטער ארבעט קראנק געווארן אויף א שווערן הארץ-פעלער. אייניקע חדשים איז ער געלעגן אין בעט אין קיעוו, און ווערט נאכדעם אוועקגעשיקט אין א סאנאטאריע פאר הארצליידנדע אין קאנסטאנץ, דייטשלאנד. אינמיטן פון זיין קוראציע, באקומט ער א טעלעגראפישע מיטטיילונג וועגן א נייעם קריזיס אין דער גאלוועסטאנער עמיגראציע. קעגן די פארארדענונגען פון די דאקטוירים גנבעט ער זיך ביינאכט ארויס פון סאנאטאריע און קומט קיין לאנדאן אויף א זיצונג פון גאלוועסטאנער צענטראל-קאמיטעט, אבער די קראנקייט פארשארפט זיך און זיין לאגע ווערט באטראכט אלס האפנונגסלאז, זיינע פריינד רופן טעלעגראפיש ארויס זיין פרוי פון קיעוו. מען פארלירט די האפענונג אויף זיין געזונט-ווערן, אבער זיין שטארקע נאטור איז דאך גובר די קראנקייט און נאכדעם ווי ער איז אפגעלעגן אייניקע חדשים אין בעט ביי זאנגווילן אין הויז, ווערט ער בעסער. אבער דערווייל

איז אויסגעבראָכן דער קריג. די גאַלוועסטאָנער עמיגראַציע איז אָפגעשטעלט געוואָרן, יעדע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט בכלל ווערט אָפגעשטעלט. פון דער אַנדערער זייט הויבן אָן אָנקומען ידיעות פון רוסישן פראָנט און פון די מעשים תעתועים פון ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש. עס ווערט נויטיק, אַז די יידן אין ענגלאַנד זאָלן אונטערנעמען שריט צו העלפן די פאַרוואָגלטע ברידער אין רוסלאַנד. ס׳ווערט געגרינדעט אַ צענטראַל קאָמיטעט צו שאַפן אַן אונטערשטיצונגס־פאָנד אונטער דעם פאָרזיץ פון הערמאַן לאַנדוי, וואו ד״ר יאָכעלמאַן ווערט אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, מיט אַן אָפטיילונג אין דעם איסט־ענד, מיט ד״ר יאָכעלמאַן אַלס ערן־פרעזידענט. דער קאָמיטעט זאַמלט באַדייטנדע סומען, אָבער באַלד ווערט קלאָר, אַז די סומען, וועלכע דער קאָמיטעט אין דער דאָזיקער צוזאַמענשטעלונג איז ביכולת צו זאַמלען, וועלן זיין ניט גענוגנד און אַז ס׳וועלן זיך פאָדערן גרעסערע סומעס. נאָך געוויסע אָנשטרענגונגען געלינגט עס אייניקע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט צו געווינען דעם הסכם פון לעאָפאָלד ראָטשילד, קלאָוד מאָנטעפיאָרע און אַנדערע איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן. צו גרינדן אַ קאָמיטעט פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע יידן אין ענגלאַנד. לעאָפאָלד ראָטשילד ווערט פרעזידענט, קלאָוד מאָנטעפיאָרע פאָרזיצער און לאָרד סווייטלינג קאַסירער. ד״ר יאָכעלמאַן ווערט געוויילט אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון קאָמיטעט. דער קאָמיטעט. „וואָר וויקטימס פאָנד“, ווערט דער צענטער פאַר יידישער אונטערשטיצונגס־אַרבעט אין אייראָפע.

צוזאַמען מיט דער פאָעטעסע רעגינאַ מרים בלאָך, דעם געלערנטן אַדוואָקאַט עלקאַן אַדלער, סער טשאַרלעס הענרי, ד״ר בעהר און אַנדערע גרינדעט יאָכעלמאַן אויך אַ ספעציעלן קאָמיטעט צו העלפן די קריגס־געפאַנגענע. די אויפטוען פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט זיינען געווען ניט זייער גרויס, דאָך איז דעם קאָמיטעט געלונגען אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרלייכטערן די ליידן פון פיל, און אין אייניקע פאַלן ממש מציל זיין מענטשן פון טויט.

אין **1917** ווערט ד״ר יאָכעלמאַן געוויילט, אויף לוסיען וואָלפס אָרט, אַלס אַ לאָנדאָנער דעפוטאַט אין „באָאַרד אָף דעפוטיס“,—דעם ענגליש־יידישן פאַרלאַמענט, וואו ער איז נאָך אַ מיטגליד ביז אויף היינטיקן טאָג. ער ווערט געוויילט אין דער קאָמיסיע פאַר אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן, און שפעטער, אַדאַנק זיינע אַרויסטרעטונגען, ווערט געגרינדעט אַ ספעציעלע קאָמיסיע וועגן אויסלענדישע יידן אין ענגלאַנד. איז אויך אַרויסגעטראָטן פאַר דעם, אַז די „באָאַרד“ זאָל אונטערשטיצן די ליידנדע יידן אין מזרח־אייראָפע.

באַלד נאָך דער רוסישער פעברואַר רעוואָלוציע אין 1917 שליסט די קערענסקי־מיליוקאָוו רעגירונג אַן אָפמאַך מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן צוציען צו די באַטרעפנדע אַרמייען רוסישע בירגער, וואָס וואוינען אין ענגלאַנד, און ענגלישע בירגער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד. עס ווערט געגעבן די מעגלעכקייט אָדער אָנצושליסן זיך אַן די אַרמייען אין דעם לאַנד, וואו די יונגע־לייט וואוינען, אָדער צוריקצוקערן זיך אין דעם לאַנד, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. ס׳ווערט געגרינדעט אין לאָנדאָן אַן אָפיציעלער קאָמיטעט אונטערן נאָמען „יונייטעד ראַשיען קאָמיטע פאַר מאַטערס אָף מיליטערי סערוויס“ (פאַראייניקטער רוסישער קאָמיטעט פאַר ענינים אין שייכות מיט מיליטער־דינסט). דאָס איז געווען אַ רעפרעזענטאַטיווער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען פאָרטרעטער פון די פאַרשיידנסטע יידישע און רוסישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד. ד״ר יאָכעלמאַן ווערט געוויילט אַלס פאָרזיצער. דער קאָמיטעט אָרגאַניזירט סוב־קאָמיטעטן פאַר מעדיצינישע אונטערזוכונג, אַ יורידישע קאָמיסיע אויף פעסטשטעלן די רעכט פון יעדן איינציקן אַפליקאַנט; ער באַשטימט צוויי פאָרטרעטער, הערמאַן לאַנדוי און אַדוואָקאַט קרוגליאַקאָוו, אין העכסטן מיליטערישן אַפעלאַציאָנס־טריבונאַל פאַר רעקרוטן, ברענגט פיל נוצן מיט זיין אַרבעט, ווערט אָבער באַלאַסטעט יאָרן־לאַנג מיט אונטערשטיצן פרויען און קינדער פון די, וועלכע האָבן געוויילט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אַז ס׳זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן הריגות און רדיפות אויף יידן אין פוילן אין גענעראַל האַלערס צייטן, איז לויט דער איניציאַטיוו פון פאַרשטאָרבענעם באָריס גאָלדבערג, ד״ר שמריהו לעווין און ד״ר יאָכעלמאַן באַשלאָסן געוואָרן, קעגן דעם אויסעראָרדנטלעך־העפטיקן ווידערשטאַנד פון די גבירים (וועלכע זיינען, אגב, שפעטער אַליין צוגעשטאַנען צום פראָטעסט), צו אָרגאַניזירן אַ פראָטעסט־דעמאָנסטראַציע. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר יאָכעלמאַן און ערן־קאַסירער רעדאַקטאָר מאָריס מייער. אויף די פאַרזאַמלונגען זיינען צווישן אַנדערע אַרויסגעטראָטן דער טשיף־רבי ד״ר הערץ, חכם ד״ר גאַסטער, ישראל זאַנגוויל, ד״ר יאָכעלמאַן און מאָריס מייער. סער סטיואַרט סעמועל, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון דער ענגלישער רעגירונג אויסצופאָרשן די לאַגע אין פוילן, האָט נאָך זיין צוריקקער אין ענגלאַנד מיטגעטיילט, אַז די פראָטעסט־פאַרזאַמלונג האָט געבראַכט גרויסע נוצן פאַר די יידן.

ווען די לאַגע אין פוילן האָט אָנגעהויבן לייכטער צו ווערן, האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז אָנצוקומען ידיעות וועגן די שחיטות אויף יידן אין אוקראַינע. די זשורנאַליסטן קאָראַלניק און גראָסמאַן זיינען געקומען פון אוקראַינע און האָבן איבערגעגעבן אַ באַריכט אויף אַ קאָנפערענץ וועגן די שרעקלעכע הריגות אויף יידן פון פעטלורע, דעניקין און אַנדערע. ס׳איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ פעדעראַציע פון פאָרטרעטער פון דעמאָקראַטישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן א. אז. וו. מיטן צוועק צו העלפן די יידן אין אוקראַינע אונטערן נאָמען „פעדעראַציע פון אוקראַינער יידן“. אין דער עקזעקוטיווע גייען אַריין דער הויפט־ראַבינער פון גרויס־בריטאַניע ד״ר הערץ, חכם ד״ר גאַסטער, זאַנגוויל, ראָטשילד, גראָסמאַן, חאַכאָווער און פיל אַנדערע. ד״ר יאָכעלמאַן ווערט געוויילט אַלס פאָרזיצער. די פעדעראַציע וואַרפט זיך אַריין אין דער אַרבעט מיט גרויס ברען. אירע אַקטיווע מיטגלידער זיינען כמעט אויסשליסלעך געקומענע פון רוסלאַנד, רומעניע און בכלל פון מזרח־אייראָפע. מענטשן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַלע פעדים מיטן גערודפטן עלעמענט. די פעדעראַציע אַרבעט אויס אירע אייגענע מעטאָדן פון אַרבעט, וועלכע באַשטייען אין דעם, אַז זי זאָל אין קיין לאַנד, וואו זי גיט הילף, ניט שאַפן קיין אייגענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס עסן אויף גרויסע סומעס, נאָר זי זאָל זיך שטעלן אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די שוין עקזיסטירנדע אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן, געבן די דאָזיקע קאָמיטעטן די פולע מעגלעכקייט צו טאָן די אַרבעט ווי זיי פאַרשטייען, ניט אַריינמישן זיך אין זייער טעטיקייט, אָבער קאָנטראָלירן ווי ווייט מעגלעך זייער אַקטיוויטעט. דער פרינציפ פון דער פעדעראַציע איז געווען צו געבן מאָמענטאַלע הילף, סיי דירעקט צו יחידים, סיי צו יחידים דורך קאָמיטעטן, ווי אויך געבן רעקאָנסטרוקטיווע הילף אין דער פאָרם פון הלוואות אויף צוריקבויען חרובע פון דער מלחמה און מהומות אָדער קאָנפיסקירטע הייזער. אַזוי, צום ביישפיל, האָט די פעדעראַציע געשטעלט אין רשות פון „יעקאָפאָ“ אין ווילנע באַדייטנדע סומעס פאַר די דאָזיקע צוועקן*). די פעדעראַציע האָט אין משך פון איר עקזיסטענץ אויפגעקליבן און צעטיילט ביי אַ פערטל מיליאָן פונט. דאָס איז אָבער נאָך ניט דער ווירקלעכער מאַסשטאַב פון איר אַרבעט. דער מאָראַלישער ווערט פון איר אַרבעט און אירע מעטאָדן, די שטענדיקע אַגיטאַציע, וועלכע זי האָט געפירט

---

*) ז. גענויער אייגן, זייטן 71—73, 106, 146, 147, 172, 178.

ר ק ר.

פאַר די נויטווענדיקייט פון געבן אונטערשטיצונגען למובת דעם מזרח-אייראָפּעאישן יידנטום, האָט געבראַכט נאָך א גרעסערן פּראַקטישן רעזולטאַט. אַזוי האָט זי אויך מיט איר איינפלוס אויף דעם „וואָר וויקטימס פאָנד“, דורך אירע דריי פאַרטרעטער אין דער עקזעקוטיווע פון פאָנד, אויסגעווירקט, אַז דער פאָנד זאָל פאַרטיילן אין פאַרשיידענע לענדער מער, ווי זי האָט אַליין אויפגעקליבן.

אין **1919** ווערט געשאַפן לויט דער איניציאַטיוו פון ליאָנעל ראָטשילד, לאָרד סווייטלינג און לאָרד בירסטעד א קאָמיטעט אויפצוזאַמלען א מיליאָן פונט טיטן צוועק צו הויבן די בילדונג ביי יידן פון גרויס-בריטאַניע און צו שטאַרקן דעם גייסט פון יודאַיזם אין גרויס-בריטאַניע. ד״ר יאַכעלמאַן ווערט געוויילט אין דער עקזעקוטיווע.

אין **1920** פאָרט ד״ר יאַכעלמאַן קיין קאָפּענהאַגן. פאַרבלייבט דאָרטן א חודש צייט און שליסט אָן אָפּמאַך מיט ליטווינאָוו וועגן א הילפס-אַקציע אין אוקראַינע מצד די יידישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד. ביידע קאָמיטעטן: דער אוקראַינער פאַרבאַנד און דער „וואָר וויקטימס פאָנד“ אַרבעטן דערנאָך אויפן סמך פון דעם אָפּמאַך. דער דאָזיקער אָפּמאַך איז געווען פאַקטיש דער ערשטער הסכם צווישן יידישע אָרגאַניזאַציעס מיט דער סאָוויעט-רעגירונג וועגן הילפס-טעטיקייט אין רוסלאַנד. באַלד נאָכדעם האָט דער „דזשוינט“ געשיקט זיינע פאַרטרעטער קיין רוסלאַנד און האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אויף זיין גרויסן מאַסשטאַב. אין **1921** פאָרט ד״ר יאַכעלמאַן קיין רעוועל, וואו ער בלייבט א חודש צייט און אַנטוויקלט די אַרבעט פון דער הילפס-טעטיקייט דורך דעם רעוועלער קאָמיטעט.

אין **1921** זאַמלט זיך אויף אין קאַרלסבאַד די קאָנפערענץ פון הילפס-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שאַפט דעם קאָמיטעט אונטערן נאָמען „די עקזעקוטיווע פון יידישע הילפס-אָרגאַניזאַציעס“. ד״ר יאַכעלמאַן ווערט אין זיין אָפּוועזנהייט אויסגעקליבן אַלס מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע און אַרבעט דאָרט די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ. פאָרט אין איר אויפטראָג אין **1924** אין רוסלאַנד און אוקראַינע, שליסט אָפּמאַכן מיט די רעגירונגען אין מאָסקווע און כאַרקאָוו וועגן דער אַרבעט פון דער עקזעקוטיווע. זעצט דאָרט פאָר זיינע פּלענער וועגן דער אַנטוויקלונג פון די יידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד, קומט צוריק און גיט א באַריכט אויף א קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. אַלס רעזולטאַט פון באַריכט ווערן דורכגעפירט נייע באַדייטנדע זאַמלונגען און ס׳ווערט געגעבן הילף.

אין **1922** ווערט אין לאָנדאָן געגרינדעט אַן אַלגעמיינער נים-יידישער קאָמיטעט אונטערן נאָמען „מעדיקאַל אייד סאָסייטי“ (מעדיצינישער הילפס-פאַראיין), צו שיקן מעדיקאַמענטן קיין רוסלאַנד. אין קאָמיטעט גייען אַריין פיל זייער אָנגעזעענע ענגלענדער און רוסן. ד״ר יאַכעלמאַן ווערט געוויילט אַלס וויצע-פאָרזיצער פון קאָמיטעט.

ווען „אָזע“ הייבט אָן איר טעטיקייט אין אויסלאַנד, ווערט ד״ר יאַכעלמאַן איינגעלאַדן אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע. ד״ר יאַכעלמאַן אונטערשטיצט זייער וואַרעם דעם „אָרט“ דורך דער פעדעראַציע, „וואָר וויקטימס-פאָנד“ און אויף מיטינגען, און ווען דער „אָרט“ האָט רעגיסטרירט דעם מיליאָן-דאָלאַר-פאָנד, ווערט ד״ר יאַכעלמאַן אויסגעקליבן אַלס איינער פון די דריי ענגלישע פאַרטרעטער.

אין **1925** אויף א קאָנפערענץ פון יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין לאָנדאָן, ווערט געגרינדעט א קאָמיטעט צו אונטערשטיצן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. ד״ר יאַכעלמאַן ווערט געוויילט אַלס פאָרזיצער פון קאָמיטעט און באַטייליקט זיך אַלס דעלעגאַט פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט אויף דער וועלט-קאָנפערענץ פון „אָזעט“ אין מאָסקווע אין נאָוועמבער 1926.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן ווערט אין זומער **1928** מיט אַמאָל זייער קריטיש. דער „וואָר וויקטימס-פאָנד“ סוספּענדירט זיין טעטיקייט צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין ענגלאַנד, וועלכע ווערט פאַראורזאַכט דורך דעם גענעראַל-שטרייק און קוילן-שטרייק. די פעדעראַציע פאַראייניקט זיך מיט די עקזיסטירנדע פויליש-יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד אונטער דעם נאָמען „פאַרבאַנד פון יידישע הילפס-אָרגאַניזאַציעס“. באַדייטנדע סומען ווערן אויפגעזאַמלט און גלייך פונאַנדערגעטיילט אין פּוילן.

אין אָנהויב **1929** איז ד״ר יאַכעלמאַן געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון קאָמיטעט אויף אַרויסצוגעבן דעם תלמוד אין א יידישער איבערזעצונג, אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר יעקב מאיר זאַלקינד, פון וועלכער איניקע מסיכתות זיינען שוין ערשינען.

די לעצטע צייט איז ד״ר יאַכעלמאַנס געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, צוליב זיין געזונט-צושטאַנד, באַדייטנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָך פאָרט ער זומער **1930** קיין רוסלאַנד און באַניט דעם אָפּמאַך וועגן הילפס-טעטיקייט.

מאירסאָן עמיל (הוספה צו די זייטן 776—778). פון פאָטערס צד שטאַמט די פאַמיליע פון טיקטין (טיקאָצין), געוו. לאָמזשער גוב., איצט ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטווע. דעם פאָטערס עלטערן, הערש און פיינע, האָבן געפירט דאָרט א ברייט לעבן. זייער גרויסע, חאַגנאַמישע הויז איז געווען באַקאַנט אין גאַנצן געגנט. פון זיין מוטערס צד שטאַמט די פאַמיליע פון לובלין פּ דער באַוואוסטער פאַמיליע האָראָוויטש. עוריאל שאול אפרים—עמיל—מאירסאָן איז געבאָרן געוואָרן אין לובלין אין אייגן הויז פון זיין עלטער-באָבע הינדע האָראָוויטש, וועלכע איז געווען באַרימט מיט איר שיינקייט, קלוגשאַפט און פרומקייט. זיין מוטער, מלכּלה, איז געווען די באַוואוסטע פויליש-יידישע שריפטשטעלערין פּאַלווינאַ מאירסאָן, פאַרפאַסערין פון די זייער פּאָפּולערע אין יענער צייט דערציילונגען אויף פויליש „דור“ און „פון אַן ענגער סביבה“[*]. זיין פאָטער בער—בערנאַרד מאירסאָן איז אין משך פון פיל יאָרן געשטאַנען בראָש פון דער לובלינער יידישער געמיינדע און געווען דער פאָרזיצער פון דער שטאָטישער קרעדיט-געזעלשאַפט אין לובלין אין משך פון 40 יאָר. זיין (עמילס) שוועסטער—פראַנציסקאַ אַרנשטיין—איז א באַקאַנטע פוילישע דיכטערין.

עמיל מאירסאָנס ערשטע גרעסערע פילאָזאָפישע ווערק „אידענטיטעט און רעאַליטעט“ גייט איצט אויס שוין אין דער דריטער אויפלאַגע און איז איבערזעצט אויף רוסיש (1912), ענגליש (1930) און דייטש (1930, לייפּציג, אַקאַדעמישע פאַרלאַגסגעזעלשאַפט). איינצלנע אַרבעטן מאירסאָנס זיינען געדרוקט אין „רעווי דע מעטאַפיזיק עט דע מאָראַל“ א. א.

פּאַדלישעווסקי אבֿרהם. דעם 27 טבת (1930) איז מיר געוואָרן 67 יאָר. איך בין געבאָרן אין דעם גוט אָסטראָוו, נאָוואָגרודקער פּאָוויאַט, מינסקער גובערניע. מיין זיידע ר׳ הירש (מילאָווידער) פּאַדלישעווסקי און מיין פאָטער „וועלוול אָסטראָווער“ זאב פּאַדלישעווסקי האָבן זייער גאַנצן לעבן געהאַלטן אין אַרענדע אימעניעס, ברויהייזער פון שנאַפּס, מילן און די פּינסקער טיסנאַקאָסנע בלאָטעס פון גראַף קאָנסטאַנטי פּאָטאָצקי, אויך האָבן זיי געהאַנדלט מיט וואַלד. זיי זיינען געווען עשירים, למדנים און גרויסע בעלי-צדקות. מיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון א פאַרברענטן קאַרלינער חסיד ר׳ ישראל אייזענבערג פון

---

[*] וועגן פּאַלווינע מאירסאָן ז. דעם אַרטיקל פון מ. ווינאַווער אין „יעווריייסקאַיאַ טריבונאַ“ (פּאַריז, 2 פעבר. 1922), וואו דער מחבר פאַרגלייכט פּאַלווינאַ מאירסאָן מיט עליזאַ אָרזשעשקאָ און כאַראַקטעריזירט איר ראָל אין דער פויליש-יידישער ליטעראַטור. פּאַלווינאַ מאירסאָן איז געשטאָרבן אין לובלין דעם 13 יאַנואַר 1922.

די אינטערעסאַנטע הוספה-ידיעות האָבן מיר באַקומען פון עמיל מאירסאָנס שוועסטער דורך ה׳ ליב נעליבאָטער פון לובלין און איניקע ידיעות דורך פון ה׳ רפאל שערעשעווסקי פון ווארשע.
רעד.

פינסק. מיין פאטער האט גענומען צו אונז אין אימעניע א רבי ר׳ דוד ספעקטאר א ייד א משכיל. מען האט אים גערופן דוד דער אפיקורס, ווייל ער האט ניט געגלויבט, אז דער מושעו „בעל שם״ וועט אויסטרייבן דעם גלגול, וואס איז צו אים געקומען. ר׳ דוד איז געווען א גרויסער למדן, א בעל-דקדוק און האט מיט מיר און מיינע ברידער געלערנט משנה, „עין יעקב״ און גמרא, תנ״ך און דקדוק (תלמוד לשון עברי) האבן מיר געלערנט אויסווייניק. אונזער פאטער האט אונז געשיקט צוזאמען מיט דעם רבין אין סלאנים און דארט האב איך מיך מיט מיינע ברידער געלערנט ביי די בעסטע לערער. נאכדעם האבן מיר געלערנט אין סלוצק. מיינע ברידער זיינען אריין אין גימנאזיע און מיך האבן די לערער פון גימנאזיע פארבערייטעט אלס עקסטערן. אין סלוצק האב איך ש״ס און פוסקים געלערנט ביי הרב ר׳ דוד בונציקס (פיינבערג) א ייד א גדול. איך בין קיין מאל ניט געוועזן אין א חדר און אויך ניט אין א ישיבה, דאך האב איך דורכגעלערנט ש״ס און פוסקים.

ווען איך בין נאך געווען א יינגל, בין איך שוין געווען אין אונזער געגנט דער קארעספאנדענט פון חברת „מפיצי השכלה״. איך האב פארשפרייט צווישן קריסטן כוואלסאנס בוך קעגן עלילת דם.

אין סלוצק האב איך זיך אנגעשטעקט פון מיינע חברים מיט סאציאליזם און א קורצע צייט בין איך געווען א שמיקל „נאראדניק״. איך און מיינע ברידער האבן אין דארף געלערנט די שקצים און שיקסעס לייענען און שרייבן. אגב בין איך געווען זיכער, אז אויב די פויערים וועלן קענען לייענען דעם „וואסכאד״ וועלן זיי וויסן, אז אלץ, וואס מען רעדט אויף יידן, איז א בלבול...

פון 15 יאר אן בין איך אין ווארשע. האב פיל געלערנט אלגעמיינע וויסנשאפט, בודאאיסטישע וויסנשאפט און יידישע פילאזאפיע ווי רמב״ם און אנדערע. אין ווארשע האב איך זיך דערצויגן אין א רעליגיעזער סביבה, אין הויז פון מיין פאטערס שוואגער, דוד ב״ר מרדכי ראבינאוויטש פון ווילנע, אין דער ספערע פון זיינע קרובים ר׳ יוסף בער און ר׳ חיים סאלאווייטשיק און אויך ר׳ הערשל לייב בערלין פון וואלאזשין. זייער גדלות און תמימות האט אויף מיך געהאט א גרויסן איינדרוק. ביי די ווארשעווער מוכר-ספרים צוקערמאן און שאפירא בין איך באקאנט געווארן מיט כמעט אלע יידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. דערנאך בין איך באפריינדעט געווארן מיט נחום סאקאלאוו און איניקע יאר שפעטער מיט פרצן און ד״ר הרב פאזנאנסקי. אין „הצפירה״ האב איך געשריבן מערסטנטייל אונטער דעם פסעוודאנים סוח„. אויך מיט מיין שם המפורש. ביי פרצן, אין דער „יודישער ביבליאטעק״, האב איך געשריבן אונטער דעם פסעוודאנים אברהם וואלפזאן. אונטער דעם דאזיקן פסעוודאנים האב איך געשריבן אין „יוד״ א גרעסערע זאך „משה דער אלטער משרת״. איך האב צו 16 יאר געהייראטעט די טאכטער פון דעם מאנופאקטור-סוחר בער קאבאק אין ווארשע. איך בין געוועזן ביי אים 1½ יאר אין געשעפט און דערנאך האב איך געעפנט אויף גענשא גאס א מאנופאקטור-געשעפט, עד-היום. ווען עס האט זיך אנגעפאנגען די באוועגונג „חיבת ציון״ בין איך געווען פאר א סימפאטיקער און טראץ דער באמיאונג פון שפ״ר, גלוסקין, יעבץ, לייבוש דאווידזאן און אנדערע, האב איך מיך ניט געקענט אנשליסן אן „חיבת ציון״. פון צווייטן קאנגרעס אן, ארבעט איך אין דער ציוניסטישער באוועגונג. איניקע יאר בין איך געווען אלס רעוויזאר פון אקציאנס-קאמיטעט און פון 1907 אלס מיטגליד פון

אקציאנס-קאמיטעט. און אויך מיטגליד פון דעם אויפזיכטס-ראט, פון דער יידישער קאל. באנק. אויף מיין נאמען איז פארשריבן א גרינדער-אקציע פון דער יידישער קאלאניאל-באנק און זי איז אויך די גרינדער-אקציע פון נאציאנאל-פאנד. פון צווייטן קאנגרעס אן האב איך ניט דורכגעלאזן קיין קאנגרעס, קיין זיצונג פון דעם אקציאנס-קאמיטעט, מיטן אויסנאם איין קאנגרעס אין האג, ווען איך בין דעמאלסט. אין 1907, געווען אין ארץ-ישראל.

פאר דער מלחמה איז דער ציוניזם לעגאליזירט געווארן אויף דעם נאמען פון דעם אדוואקאט יאסינאווסקי און אויף מיין נאמען.

נאך אלס יונגערמאן, ווען די כאלערע האט אויסגעבראכן אין פוילן האב איך גענומען א גרויסן אנטייל אין דער הילפס-אקציע, אן אונטערשייד פון רעליגיע, צוזאמען מיט נחום סאקאלאוו און מיט דער ווארשעווער קהילה.

נאך דעם פאראל פון כבוש הקהילות האב איך צוזאמען מיט ד״ר נח דאווידזאן געפירט א דריי יארן א פארביסענעם קאמף מיט די אסימילאטארן ארום די וואלן אין דער קהילה. מיר האבן אריינגעבראכט אין דער קהילה ציוניסטן און נאציאנאליסטן. מיר האבן דעמאקראטיזירט די וואלן און פון 25 רובל עטאט האבן מיר דורכגעפירט אין פעטערבורג אויף 5 רובל. אין דעם דאזיקן קאמף האבן מיטגעהאלפן די אסימילאטארן געוויסע פוילישע מאגנאטן און גראפן און געזיגט האבן מיר. פון 1901 בין איך געשטאנען בראש פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין פוילן, ארום מיר האבן זיך גרופירט יונגע אקאדעמיקער און גלאט אינטעליגענץ, ווי גרינבוים און קירשראט, הארטגלאס, זיידעמאן, נחום סירקין, פארבשטיין און נאך פיל אנדערע. אונטער דער השפעה פון נחום סאקאלאוו און מיר האבן זיי געפירט א פערמאנענטן קאמף מיט די אסימילאטארן. א גרויסן פארדינסט האט דא געהאט יאצקאן מיט זיין צייטונג דער „היינט״. כמעט אלע זיצונגען זיינען פארגעקומען אין מיין וואוינונג. אלע פאליטישע און עקאנאמישע פראגן אין לאנד האבן מיר אנגעהויבן דורכפירן דורך די פריזמע פון יידישע אינטערעסן און מיר האבן אויפגעהויבן א קאמף און א גוואלד. אין פאל ווען מיר האבן געפונען, אז די שאדן די יידישע עקאנאמישע אדער נאציאנאלע אינטערעסן. צו דעם צוועק האבן מיר געגרינדעט די פוילישע וואכנבלאט „ווסכוד״ אונטער דער רעדאקציע פון גרינבוים.

מיט מיין הילף איז געגרינדעט געווארן די שול „יהודיה״ און אויך די ערשטע יידישע גימנאזיע אין ווארשע. צוזאמען מיט ד״ר מינץ און שיינהאק אויך ד״ר בירא איז געגרינדעט געווארן (אויף מיינע קאסטן) דער ערשטער חדר מתוקן אין ווארשע. צוזאמען מיט ד״ר גרשון לעווין, פרץ און אנדערע האבן מיר געגרינדעט דעם „הזמיר״. אלע יידישע, קליינע און גרויסע, נאציאנאלע שטיפטונגען האב איך מיטגעהאלפן מיט מיין ארבעט און געלט.

ווען סאקאלאוו, נאך זיין יובל, האט געמוזט אפפארן פון ווארשע, האב איך צוזאמען מיט אליעזר קאפלאן איבערגענומען די לייטונג און ארויסגעבונג פון דער „הצפירה״ און איך האב זי געהאלטן אין מיינע הענט ביז אויגוסט 1915, ווען איך בין אנטלאפן פון די דייטשן קיין מאסקווע.

אלס פרעמיע צו דער „הצפירה״ האבן מיר ארויסגעגעבן דעם „דור דור ודורשיו״ פון ווייסן, אין בערך 15 טויזנט עקזעמפלארן. מיר האבן איבערגעגעבן „אחיאסף״ צו ענדיקן דעם „האוצר״ און האבן אלס פרעמיע צו דער „הצפירה״ אריינגעבראכט אין יידישע ביבליאטעקן בערך 7 טויזנט עקז. מיר האבן ארויסגעגעבן די „תבונה״ שד״ל און רי״ש בערך 5 טויזנט עקז. און נאך

פיל ספרים ווי „תולדות השלמת האדם", העתקת פרישמאַן וכדומה. ס"ה בערך 35 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

אין יאָר 1912 בעת די וואַלן צו דער 4-טער דומע האָב איך צוזאַמען מיט גרינבוים, יאַצקאַן, ד"ר מעאַפּיל הינדעס, נאָווינסקי, פּאַרבשטיין, ד"ר יוסף דאַווידזאָן געפירט אַ שווערן קאַמף קעגן קוכאַשעווסקי און אַריינגעבראַכט אין דער רוסישער דומע דעם אַרבעטער יאַגעלאָ. דאָס האָט אַרויסגערופן אין פּוילן דעם „באָיקאָט", אָבער פאַרשיידענע קלאַסן יידן, אויך די בעסטע אַסימילאַטאָרן, האָט עס פאַראייניקט.

ווען די וועלט-מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָב איך אין דער קהילה, צוזאַמען מיט פּאַרבשטיינען און לייב דאַווידזאָן געגרינדעט דעם הילפס-קאָמיטעט פאַר די היימלאָזע און דעם סאַניטאַר-קאָמיטעט.

אין די „ציוניסטישע בלעטער" (וואַרשע, 1928—1929) האָב איך וועגן דעם און פיל אַנדערע געשעענישן געשריבן זכרונות.

אין מאָסקווע, וואוהין איך בין אַנטלאָפן פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע, האָב איך געגרינדעט די ערשטע יידישע דרוקעריי און דערנאָך אַרויסגעגעבן דעם „העם".

אין מאָסקווע בין איך געווען דער וויצע-פאָרזיצער פון „תרבות" אונטער דעם פאָרזיץ פון הלל זלאַטאָפּאָלסקי. אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן מיר געגרינדעט שולן בעברית, אין אָדעס אַ לערער-סעמינאַר, אין ניזשני-נאָווגאָראָד אַ שול מיט אַ אינטערנאַט.

איך בין געווען אין מאָסקווע דער גרינדער און איניציאַטאָר פון „הבימה" און האָב געטראָגן די גאַנצע פינאַנסיעלע לאַסט. וועגן דעם האָב איך געשריבן גענויער אין די „ציוניסטישע בלעטער" (וואַרשע, 1928).

אין מאָסקווע בין איך געווען איינער פון די גרינדער פון דער דעמאָקראַטישער קהילה. איך בין געווען דער פאָרזיצער פון דער קולטור-קאָמיסיע. איך האָב אָנגעהויבן צוגרייטן ביי דער קהילה פאָלקסשולן מיט יידישער אונטעריכט. איך האָב דער קהילה אָפּגעגעבן 2 צימערן פון מיין וואוינונג און אָנגעהויבן איינריכטן דאָרט אַ יידישן מוזיי. איך האָב שוין געהאַט צוזאַמענגעקליבן כמעט אַלע אַנטיסעמיטישע צייטונגען פאַר די צייט פון דער מלחמה, פיל שטיקער צעריסענע ספרי-תורות פאַרשפּריצט מיט בלוט און פיל היסטאָרישע קעגנשטאַנדן, וואָס איך האָב באַקומען פון די יידישע שטעט אויף דער וואָלגאַ. אַנ-סקי ע"ה האָט צוגעגעבן דעם מוזיי אַ גרויסע באַדייטונג.

איך האָב דורכגעפירט, מיט דער הילף פון הרב מזאה, אַז אין רומיאַנצעווס מוזיי האָט מען אָנגענומען ד"ר אייזנשטאַדט אַלס באַצאָלטן ביבליאָטעקאַר ספּעציעל פאַר יידישע ליטעראַטור און ספרים.

אין וואַרשע בין איך איינער פון די גרינדער פון דעם „יודאַאיסטישן אינסטיטוט". איך בין אויך דאָרט אַ מיטגליד פון קוראַטאָריום. איך בין איינער פון די איניציאַטאָרן צו בויען אַ הויז פאַר די ביבליאָטעק און פאַר דעם „יודאַאיסטישן אינסטיטוט" ביי דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס און איך בין אַ מיטגליד פון קאָמיטעט.

איך בין געווען און איך בין אַ מיטגליד פון דעם פּרעזידיום פון „נאַציאָנאַל-ראַט".

אין 1919 האָב איך זיך באַטייליקט אין קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז.

אין 1923 בין איך אַרויסגעפאָרן קיין ארץ-ישראל לגור שם. אַ פאַמיליען-אומגליק האָט מיך אין אויגוסט 1924 צוריקגעבראַכט. אין א"י האָב איך אויפגעבויט אַ לוקסוס-הויז מיט אַ גאָרטן. איך בין זייט [illegible] באַטייליקט אין דעם זייף-פאַבריק „העתיד" אין חיפה און האָב געגרינדעט צוזאַמען מיט בצלאל יפה די באַוואַסערונג אין פּתח-תקוה. איך בין אין א"י געווען דער פאָרזיצער פון דעם נאַציאָנאַל-פאָנד פאַר סיריע און פּאַלעסטינע און האָב אַ גאַנצן יאָר פינאַנסירט די צייטונג „הארץ".

אַלס גבאי, אין 1922—1923, אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע האָב איך אין איר גרויסע ביבליאָטעק אַריינגעבראַכט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין פיל הונדערטער עקזעמפּלאַרן און געמוזט פירן אַ גרויסן קאַמף מיט מיינע חברים. דער טייל ווערט אַלץ מער פאַרפולקאָמט.

אין דער איצטיקער צייט בין איך דער פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון „יעאָס", פון שטאָטישן „קרן היסוד", „קרן החלוץ", מיטגליד פון פּרעזידיום פון ציוניסטישן צענטראַל-קאָמיטעט, פון „מכבי", פון פּרעזידיום פון נאַציאָנאַל-ראַט.

(וואָסקניגער, צוגעשיקט עטלעכע וואָכן פאַרן טויט).

אָנהויב 1923 האָט מען אין וואַרשע געפייערט פּאָדלישעווסקיס 60-יאָריקן יובילי. ד"ר גרשון לעווין האָט וועגן דעם געשריבן אין „היינט" (1 יאַנ. 1923, נומ' 1):

„ווען איך האָב פאַרעטלעכע יאָר אָפּגעדרוקט אַ ביסל זכרונות וועגן פּרצן, האָט מיך אַ היגער ליטעראַט געפרעגט, פאַרוואָס איך וואָב אין זיי אַזוי אָפּט דערמאָנט פּאָדלישעווסקין, און איך האָב אים דעמאָלט געענטפערט, אַז וואָס פאַר אַ זכרונות איך וואָלט ניט געשריבן פונם וואַרשעווער יידישן לעבן אין די לעצטע 28 יאָר, צי פונם „הזמיר", צי פון די וואַלן צו דער 4-טער דומע, צי פון דער „הצפירה", צי וועגן סאָקאָלאָוון, שלום-עליכם, מענדעלע מוכר-ספרים, שלום אַש צי פון אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ שטיקל שייכות צו וואַרשע, וואָלט איך געמוזט זייער אָפּט דערמאָנען פּאָדלישעווסקין, און ניט נאָר איך, וואָס איך בין אפשר אַ ביסל סוביעקטיוו אין דער זאַך, נאָר יעדער ביאָגראַף און יעדער היסטאָריקער, וואָס וועט זיך אָפּשטעלן אויף דער עפּאָכע און וועט וועלן זיין אָביעקטיוו שבאָביעקטיוו, וועט פאַרט זיך ניט קאָנען באַגיין אָן פּאָדלישעווסקין. מען קאָן זאָגן אָן אַ שום גוזמא, אַז אין די לעצטע 28 יאָר איז ניט פאָרגעקומען אין וואַרשע קיין שום יידישע וויכטיקע געשעעניש, אין וועלכער דער „בעל-הבית" אברהם פּאָדלישעווסקי זאָל ניט האָבן געשפּילט אַ גרויסע בכבודיקע ראָלע. און אין אַ סך פון זיי אפילו די ערשטע פידל".

אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט זיך פּאָדלישעווסקי פאַרנומען מיט ברענגען אין אָרדענונג זיין גרויסן אַרכיוו, וועלכן ער האָט מנדב געווען פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים.

פּאָדלישעווסקי איז געשטאָרבן אין אַ סאַנאַטאָריע אין אָטוואָצק ביי וואַרשע אין דער נאַכט פון דינסטאָג דעם 17-טן אויפן 18-טן יוני 1930.

רעד.

קריינין מאיר. געבאָרן אין אַלט-ביכאָוו (מאָהילעווער גובערניע), אין יאָר 1866. פינף יאָר אַלט אַריבערגעפאָרן צוזאַמען מיט די עלטערן קיין פּעטערבורג; פריער געלערנט אין חדר עטלעכע יאָר, נאָכדעם אין גימנאַזיע און אוניווערסיטעט אויפן יורידישן פאַקולטעט. שוין אין אוניווערסיטעט האָט ער גענומען אָנטייל אין אַלערליי יידיש-סטודענטישע גרופּעס, דערהויפּט קולטורעלע, וואָס האָבן געהאַט דעם צוועק צו באַקענען זיך מיט דער יידישער געשיכטע, ליטעראַטור, שפּראַכן און דער עיקר מיט דער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד. עס איז כדאַי צו דערמאָנען אַ קליינע גרופּע יידישע סטודענטן, אין וועלכער קריינין האָט גענומען אָנטייל, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל שיצן יידן, וועלכע האָבן געהאַט פיל צרות פון דער פּאָליציי צוליב וואוינרעכט. דאָס איז געווען אין די לעצטע אַכציקער יאָרן, בשעת, באַזונדערס אין פּעטערבורג איז די פאַרפאָלגונג געווען גרויס. די גרופּע האָט געהאַט אין געוויסע פאַלן ערפאָלג. אָבער אַליין איז זי אויך ניט ווייניק אויסגעשטאַנען פון דער פּאָליציי.

צו דער צייט, ווען קריינין האָט געענדיקט זיין בילדונג אין אוניווערסיטעט, האָט שוין עקסיסטירט פאַר יידן די באַגרענצונג אַריינצוטרעטן אין אַדוואָקאַטן-שטאַנד. אויף צוגענומען צו ווערן האָט מען באַדאַרפט האָבן אַן ערלויבעניש פון יוסטיץ-מיניסטער. קריינין מיט נאָך איינעם זיינעם אַ חבר

האָט זיך דעמאָנסטראטיוו ניט געווענדעט צום מיניסטער און צו דעם שטאָנג, דערקלערנדיק, אז זיי האלטן עס נידעריקער פאר זייער ווערדע, אלס יידן. ניט האָבנדיק קיין מיטלען, איז קריינין אין יאָר 1891 אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו ער איז אָנגעקומען אין אן אייזן-געשעפט אלס אָנגעשטעלטער. נאָכדעם אין א גרויסן מעטאל-געשעפט, וואו ער איז פארבליבן ביז סוף 1904, ווען ער איז צוריק אריבערגעפאָרן קיין פעטערבורג. קיין מאָסקווע איז קריינין אָנגעקומען אָקוראט צו דער צייט, ווען דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג איז אָרויסגעשיקט געוואָרן. אלץ, וואָס עס האָט עקסיסטירט אין דער יידישער קהילה, איז רואינירט געוואָרן. אפילו די גרויסע שול איז פארמאכט געוואָרן פון דער פאָליציע. אויב מען האָט געקאָנט טראכטן וועגן עפעס א געזעלשאָפטלעכער ארבעט, אפילו אויפן צדקה-באָדן, האָט דאָס געקאָנט געמאָן ווערן נאָר געהיים. דאָס יידישע לעבן אין מאָסקווע איז אינגאָנצן כמעט ווי אָפגעשטאָרבן. נאָר אָרום וו. גאָרקאָווי, באוואוסטן אָדוואָקאט אין מאָסקווע, האָט זיך געזאָמלט א קליינע גרופע, וואָס האָט זיך געשטעלט אלס ציל צו באשעפטיקן זיך מיט אלערליי יידישע ענינים, דערהויפט קולטורעלע. צו דער גרופע האָבן געהערט די געשטאָרבענע: מאָרעק, אידעלסאָן, אויך דער פראָפעסאָר ד. שאָר, באוואוסטער מוזיקער שוין דאן, און נאָך אנדערע. צו דער גרופע איז צוגעשטאָנען אויך קריינין. אלס א לעגאָלער שילד איז געווען די באפולמעכטיקונג, וואָס ה' גאָרקאָווי האָט באָקומען פאר זיך פון „אָפע“ — חברה „מפיצי השכלה“. די איבעריקע האָבן זיך אין דער דירה פון ה' גאָרקאָווי שטענדיק צוזאָמענגעקליבן אומלעגאָל. דאָס האָט ניט געשטערט פאקטיש צו גרינדן אָן אָפטיילונג פון „אָפע“ אין מאָסקווע, וועלכע אויסער א סטודענטן-קאָסע האָט זיך געשטעלט אלס ציל פירן א ברייטע קולטורעלע ארבעט אין מאָהילעווער, וויטעבסקער און טשערניגאָווער גובערניעס. עס זיינען געעפנט און געשטיצט געוואָרן א גאָנצע ריי רוסיש-יידישע שולן, תלמוד-תורות, ביבליאָטעקן, ארויסגעגעבן געוואָרן א פעדאגאָגישער זשורנאָל אויף רוסיש אין מאָסקווע א. אז. וו. פאראָלעל מיט דעם איז געפירט געוואָרן א שטאָרקע אָגיטאָציע פאר א יידישער נאציאָנאָלער שול. אין 1902 איז זיך אומלעגאָל צונויפגעפאָרן אין אָרשע א פאָרזאָמלונג פון יידישע לערער און קולטור-טוער פון גאָנץ רוסלאנד, איבער הונדערט מענטשן, וואו א גאָנצע וואָך איז דיסקוטירט געוואָרן די פראָגע פון א יידישער נאציאָנאָלער שול. די פאָרזאָמלונג איז צונויפגערופן געוואָרן פון מאָסקווער מיטגלידער פון „אָפע“. און קריינין איז געווען די גאָנצע צייט פון פאָרזאָמלונג דער פאָרזיצער. ניט אומזיסט האָט מען אים נאָכדעם געזוכט פון דער זשאָנדאָרמעריע, אָבער מען האָט אים ניט געקענט געפינען, הגם ער איז געווען די גאָנצע צייט אין מאָסקווע. אין דעם זעלבן יאָר, 1902, אויף דער ערשטער באראָטונג פון „אָפע“ אין פעטערבורג, האָט קריינין אלס דעלעגאָט פון מאָסקווע דער ערשטער אריינגעטראָגן א פאָרשלאָג וועגן איינפירן אין יידישע ביבליאָטעקן יידישע ביכער און שטיצן דאָס ארויסגעבן פון יידישע ביכער. דאָס איז ניט נאָר ניט באשלאָסן געוואָרן, נאָר אָפילו באשטימט געוואָרן ניט צו באטראכטן, ווייל „זשארגאָן“ גייט ניט אריין אין דער אויפגאָבע פון „אָפע“.

סוף 1904 פאָרט אריבער קריינין צוריק קיין פעטערבורג, וואו ער האָט געעפנט א מעטאָל-געשעפט. דער געשעפט האָט זיך אזוי פאָרברייטערט, אז די לעצטע יאָרן פאר דער רעוואָלוציע איז דאָס געווען איינער פון די גרעסטע געשעפטן אין רוסלאָנד. קריינין האָט פאָרגעזעצט זיין קולטורעלע ארבעט. עס איז כדאי צו באמערקן, אז די אריינגעטראָגענע פון אים רעזאָלוציע אויף דער אָלגעמיינער פאָרזאָמלונג פון „אָפע“ אין 1905 פאר א נאציאָנאָלער שול האָט צונויפגעקליבן פאר נאָר 5 שטימען און קעגן איבער 100. צווישן די לעצטע זיינען געווען איינציקע איצט אָנגעזעענע יידישיסטן. נאָר אין 1907 איז געלונגען קריינינען אויסגעוויילט צו ווערן אין קאָמיטעט פון „אָפע“. דער קאָמף פאָר א יידישער נאציאָנאָלער שול האָט געדויערט ביז 1915 יאָר, ווען אויף דער באראָטונג פון „אָפע“ איז די פראָגראָם פולקאָם אָנגענומען געוואָרן. דאָס איז געווען א לאָנג-דויערנדער קאָמף מיט א גאָנצער רעוואָלוציע אין די קרייזן ניט נאָר פון „אָפע“, נאָר פון דער גאָנצער יידישער עפנטלעכער געזעלשאָפטלעכער מיינונג. די לעצטע יאָרן פאָר דער רעוואָלוציע האָט קריינין געחלומט וועגן א יידישן וויסנשאָפטלעכן אינסטיטוט אין פעטערבורג. צוליב דעם האָט ער געשענקט דעם „אָפע“ א הויז, פאָר וועלכע ער האָט באצאָלט צוויי הונדערט טויזנט רובל, און וואו עס האָט זיך געדאָרפט געפינען דער אינסטיטוט, די ביבליאָטעק און אנדערע קולטורעלע אנשטאָלטן. די ביבליאָטעק פון „אָפע“ האָט זיך נאָך ביז גאָר דער לעצטער צייט געפונען אין דעם זעלבן הויז.

אין 1906 האָט זיך אָנגעהויבן א געוויסע פאָליטישע אויפלעבונג אויך אין יידישן לעבן. דער „פאָרבאָנד צו דערגרייכן יידישע גלייכבארעכטיקונג“ האָט פאָראייניקט צו יענער צייט אלע פראָגרעסיווע יידישע כוחות. פירנדיק מיט אלע ניט-יידישע פאָרבאָנדן דעם קאָמף פאָר א פרייער רוסלאָנד האָט דער יידישער פאָרבאָנד זיך געשטעלט אלס ציל צו אנטוויקלען דעם קאָמף פאָר יידישער נאציאָנאלער אויפלעבונג. קריינין איז געווען אויף די קאָנפערענצן אויסגעוויילט אלס א מיטגליד פון צ. ק., אין וועלכן זיינען געווען פאָרטראָטן באוואוסטע דאָן פערזענלעכקייטן. דער פאָרבאָנד איז פונאנדערגעפאָלן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריסטאָליזירן אָלערליי יידישע שטרעמונגען. עס זיינען אויפגעשוואוקסן: די יידישע פאָלקסגרופע מיט ווינאווער און סליאָזבערג בראש, דעמאָקראָטישע מיט ל. בראָמסאָן און לאנדאו. ס'האָט עקסיסטירט די ציוניסטישע. דאן אויך, אין יאָר 1906, איז געגרינדעט געוואָרן די „פאָלקספאָרטיי“ פון ש. דובנאָוו, קריינין און אנדערע. ביי דער רעאקציאָנערער צייט פון דענסטמאָל איז קיין רייד ניט געווען וועגן אָן אנטוויקלונג פון יעדער עקסיסטירנדער גרופע אָדער פאָרטיי, נאָר יעדערע האָט געהאָט איר איינפלוס אין געוויסע קרייזן. ביי די יידישע דעפוטאָטן פון דער גאָסודאָרסטווענער דומע איז שטענדיק געווען א קאָמיסיע, מיט וועלכער די דעפוטאָטן האָבן זיך בעראָטן. פאָקטיש האָט די קאָמיסיע אָנגעפירט מיט דער גאנצער יידישער פאָליטיק אין דומע דורך די דעפוטאָטן און ניט-יידישע פראָגרעסיווע פאָרטייען. די קאָמיסיע איז באשטאָנען פון פאָרשטייער פון די אויבנדערמאָנטע פיר גרופעס און פאָרטייען. קריינין איז די גאנצע צייט געווען איינער פון די פאָרשטייער פון „פאָלקספאָרטיי“.

מיטן אויסברעכן פון דער מלחמה איז אין פעטערבורג געגרינדעט געוואָרן די „יעקאָפּאָ“. די געזעלשאָפט איז ניט נאָר געווען א הילפס-קאָמיטעט פאָר געליטענע, נאָר האָט געשפילט א גרויסע ראָלע בכלל אין געזעלשאָפטלעכן יידישן לעבן אין רוסלאָנד. „יעקאָפּאָ“ האָט פאָראייניקט אלע כוחות סיי צענטראלע, סיי אָרטיקע. זי האָט געמוזט ניט נאָר מאָטעריעל שטיצן, נאָר אויך פאָליטיש העלפן די היימלאָזע. אלעמען איז באקאָנט, וואָס פאָר א וויכטיקע ראָלע די געזעלשאָפט האָט געשפילט אין

יידישן לעבן אין די יאָרן פון דער מלחמה. קריינין איז געווען איינער פון די גרינדער, פריער אַלס אַ מיטגליד אין אויספיר-ביוראָ און נאָכדעם אַלס אַ מיטגליד פון פּרעזידיום.

גלייך נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע אין יאָר 1917 איז אַרויפגעשוואומען דער געדאַנק פון צונויפרופן אַן אַלגעמיינעם יידישן צוזאַמענפאָר אויף צו באַטראַכטן אַלע פּאָליטיש-נאַציאָנאַלע פראַגן, כדי צוצושטעלן דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג די יידישע פאָדערונגען. דער צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט צונויפגערופן ווערן לויט אַלגעמיינע וואַלן אין גאַנץ רוסלאַנד. צוליב דעם האָבן אַלע עקסיסטירנדע דאַן אַ יידישע פּאַרטייען אויסגעוויילט אַן אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט פון פאַרשטייער פון אַלע פּאַרטייען, וועלכער האָט געדאַרפט דורכפירן די וואַלן, צוגרייטן אַ פּראָגראַם פון פראַגן און אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר. די אַלע פּאַרטייען האָבן זיך פאַרשטענדיקט בראָש פון קאָמיטעט צו שטעלן קריינינען. און ווירקלעך איז עס געלונגען דורכפירן די גרויסע זאַך ביז צום סוף. ס'זיינען שוין פאַרגעקומען די וואַלן, אָבער דער אָקטיאַברישער איבערקער האָט ניט געגעבן די מעגלעכקייט דעם צוזאַמענפאָר צו פאַרווירקלעכן.

אין יאָר 1918 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון גרויסרוסישע יידישע קהילות אין מאָסקווע. אין אים האָבן אויך אָנטיילגענומען אַלע יידישע פּאַרטייען אויסער דער קאָמוניסטישער. אין דעם אויסגעוויילטן צענטראַלן ועד אין קריינין אַריין אַלס וויצע-פאָרזיצער. דער צענטראַל-ועד האָט עקסיסטירט ביז סוף 1918, ווען ער איז געוואָרן אויפגעלייזט פון דער מאַכט. אין יאָר 1919 אויף דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין קיעוו איז קריינין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צוזאַמען מיט נאָך פיר דעלעגאַטן אויף דער פּאַריזער קאָנפערענץ. קריינין איז אָבער דאַן ערנסט קראַנק געוואָרן און האָט ניט געקאָנט פאָרן.

אין 1920 איז קיין מאָסקווע געקומען די ערשטע דעלעגאַציע פון „דזשוינט" צו העלפן די יידישע באַפעלקערונג. דער „דזשוינט" האָט געשטעלט דאַן אַלס אַ באַדינגונג, אַז אין דעם אָרגאַן, וואָס איז צוליב דעם געגרינדעט געוואָרן „יעוו. אָבשטשעסטקאָם", זאָלן אַריין אַ דריטל פאַרטרעטער פון אומפּאַרטייאישע, פריערדיקע טוער. ניט ווילנדיק האָט קריינין געמוזט אַריין אין פּרעזידיום פון דעם קאָמיטעט — איבער ט חדשים האָט קריינין געאַרבעט. אָבער צום סוף האָט ער געמוזט אַרויס.

אינמיטן 1921 איז קריינין אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין בערלין. פאַר דער צייט האָט ער אָנטיילגענומען אין פּראַגער עמיגראַציע-קאָנפערענץ, אַריין אין קאָמיטעט „עמיגדירעקט", וואָס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן; קריינין איז געווען איינער פון די גרינדער פון „אָזע" אין אויסלאַנד. אין יאָר 1925 אויף אַ קאָנפערענץ פון „עמיגדירעקט" איז קריינין געוואָרן אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער. קריינין האָט אויך פיל מיטגעווירקט צו דער גרינדונג פון דער עמיגראַציע-פאַראייניקונג „היאַס—יקאַ—עמיגדירעקט („היקעם"). אין 1928 איז ער געפאָרן קיין דרום-אַמעריקע צוזאַמען מיט פאַרשטייער פון „היאַס" און יק"אַ אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן פון אַנווענדן אַהין די יידישע עמיגראַציע און אָרגאַניזירן די דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכע כוחות. ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אַרגענטינישן עמיגראַציע-קאָנגרעס, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען.

קריינין נעמט אָנטייל אין קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז און אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ-ישראל.

אין רוסלאַנד האָט קריינין גענומען אָנטייל פון צייט צו צייט אין דער ערשטער יידישער צייטונג „דער פריינד", אין „וואָסכאָד", „בודושטשנאָסט", „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" און אַנדערע; אין זשורנאַל „די יידישע וועלט", בשעת ער איז אַרויס אין פּעטערבורג, איז קריינין געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע.

אַ קורצע צייט אין יאָר 1917 האָט עקסיסטירט אין פּעטערבורג די געזעלשאַפט „עקאָנאָמישע אויפלעבונג אין פּאַלעסטינע", וואו קריינין איז געווען דער פאָרזיצער.

די לעצטע יאָרן וואוינט קריינין אין פּאַריז, וואו ער איז איינער פון די דירעקטאָרן אין דער צענטראַלער עמיגראַציע-פאַראייניקונג „היקעם" און וואו ס'איז אין יאָר 1930 אויך איבערגעפירט געוואָרן דער „עמיגדירעקט".

ראָזנבוים יעקב חיים. געבאָרן אין ראָזשישטשע (וואָלינער גוב.) אין יאָר 1890 אין אַ סוחרישער פאַמיליע. געלערנט אין אַ חדר און ביי רביים אין דער היים, געווען אַן עקסטערן. אין יאָר 1911 אָנגעהויבן צו שרייבן און אָפּגעדרוקט אַ ליד אין ליפּמאַן לעווינס אַ זאַמלהעפט אויף פּסח. אין זעלבן יאָר געדרוקט דערציילונגען אין דער ווילנער „יידישע צייטונג" און שפּעטער אין „ווילנער וואָכנבלאַט" און אַנדערע ווילנער צייטשריפטן, ווי „דער שטערן", „טאָג", „די וואָך", „לעצטע נייעס", „ווילנער זאַמלבוך". אין די יאָרן 1912—1916 געדרוקט דראַמאַטישע זאַכן, ווי „זאָלסט חתונה האָבן" (אַ שפּאַס אין 1 אַקט, אויפגעפירט אין ווילנע); „צוריק אַהיים" (אַ דראַמע אין 3 אַקטן, אויפגעפירט אין ווילנע און ביאַליסטאָק ביי ליפּאָווסקין); „פּאָטום" (עטיוד אין 1 אַקט) און „אין די טעג פון מלחמה" (דראַמע אין 3 אַקטן, אויפגעפירט ביי גונפערן דורך דעם אַרטיסט מאירסאָן. געשריבן אויך אונטערן פּסעוודאָנים אבידני.

אין יאָר 1920 אַוועק קיין קאָוונע, וואו געווען 3 יאָר, געאַרבעט אין נאַציאָנאַל-ראַט. דאָרט אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט א. מוקדוני (ד"ר קאַפּעל) אין יאָר 1921 די טעגלעכע דעמאָקראַטישע צייטונג „נייס", אין וועלכער ס'האָבן דאַן אויך מיטגעאַרבעט דוד בערגעלסאָן, נחום שטיף, בן-אדיר, קוויטקאָ, נסתר, ז. קאַלמאַנאָוויטש (שפּעטער אויך י. טשעריקאָוו), וואָס זיינען דאַן געקומען פון רוסלאַנד מיטן צוועק צו פאָרן קיין בערלין פאָרצוזעצן די אַרבעט פון „כּלל-פאַרלאַג" און זיינען פאַרבליבן בערך אַ יאָר צייט, ווער לענגער, ווער קירצער, אין קאָוונע.

אין יאָר 1923 אַריבערגעפאָרן קיין לעטלאַנד, וואו זיך באַזעצט אין ריגע און איז טעטיק ביז איצט. אין ריגע מיטגעאַרבעט אין „אונזער וועג" און אָרגאַניזירט מיט דער פינאַנציעלער הילף פון די ריגער כּלל-טוער ל. גריבעשאָק, ז. לעוויטאַס און א. פינקעלשטיין די דעמאָקראַטישע צייטונג „לעצטע נייס", וועלכע איז ערשינען אין יאָר 1924. ווען אין יאָר 1926 איז מיט דער הילף פון ל. גריבעשאָק, א. פינקעלשטיין און ד"ר ב. דובינסקי געגרינדעט געוואָרן דער ריגער „פרימאָרגן" האָט ר. דאָרט די ערשטע צייט מיטגעאַרבעט. נאָוועמבער—דעצעמבער פון זעלבן יאָר אַרויסגעגעבן צוויי נומערן „אונזער טעאַטער" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרינדונג פון דעם „נייעם יידישן טעאַטער" אין ריגע, וועלכער האָט דאַן צום ערשטן מאָל באַקומען די מלוכה-סובסידיע. אין די יאָרן 1927—1928 (18 נומערן: 14 אָקט. 1927 — 2 מערץ 1928; דער לעצטער 19-טער נומער געווידמעט דעם ריגער שטראַנד) אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט (די ערשטע 10 נומערן צוזאַמען מיט מ. קיטאַי) „די וואָך", אָרגאַן פאַר ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער און פּובליציסטיק, אין וועלכן ס'האָבן מיטגעאַרבעט אויך אַ ריי באַוואוסטע לעטישע קינסטלער און שרייבער, ווי סומאַ, סטרונקע, סקולמע, ראָבערט קראַדערס א. א., די אָרטיקע יידישע שריפטשטעלער און טוער שאַץ-אַנין, ליאַצקי-בערטאַלדי, מ. קיטאַי, י. כאַרלאַש, יצחק מאַריין, א. יידלסאָן א. א. דער זשורנאַל איז געווען דער ערשטער פּרוּוו פון אַ פאַראייניקונג מיט לעטישע קינסטלער און שרייבער.

אין יאָר 1922 האָט ר. אַרויסגעגעבן אין קאָוונע (צוזאַמען מיט נתן גרינבלאַט און דוד כּהן) אַ אינפאָרמאַציע-זשורנאַל פאַר עמיגראַציע-ענינים „דער עמיגראַנט" און שפּעטער אין ריגע דעם „באַלטישן עמיגראַנט", אין וועלכן ס'האָט דאַן מיטגעאַרבעט ד. טשאַרני פון מאָסקווע. פון יאָר 1927 ביז איצט איז ר. דער סעקרעטאַר

פון ביורא פון „היאס-עמיגדירעקט“ אין ריגע. דער פארוואלטער פון ביורא איז א. גריבעשאק (ז. ווייטער) און די הויפט-מיטארבעטערין — פרוי איטא אבראמסאן. אלס פארטרעטער אין „היקעם“ פון לעטלאנד איז צוזאמען מיט א. גריבעשאק דער באקאנטער טוער און שריפטשטעלער ז. ליאצקי-בערטאלדי.

* **גריבעשאק** אליעזר. געבארן אין ריגע אין יאר 1872. געענדיקט אין ריגע גימנאזיע און צוליב פאליטישע פארפאלגונגען (געווען א ס. ר.) אוועק אין יאר 1891 קיין אמעריקע. וואו געענדיקט דעם פענסילוואנער אוניווערסיטעט אלס צאן-דאקטאר. אין 1907 זיך צוריקגעקערט, אבער אין א יאר ארום ווידער אוועק קיין אמעריקע. אין יאר 1910 געקומען צוריק און זיך באזעצט אין ריגע, וואו פארנעמט זיך מיט זיין פאך ביז אויף היינטיקן טאג און אין יאר 1929 געווילט אלס מיטגליד פון דער אינטערנאציאנאלער צאן-אקאדעמיע אין וואשינגטאן.

אין 1917 האט ג. צוזאמען מיט זלמן לעוויטאס געגרינדעט די פאלקספארטיי אין לעטלאנד און אלס נאמינירטער פון דער פארטיי איז ער אין יאר 1919 ביים אנהויב פון לעטלענדישער זעלבשטענדיקייט אריין אלס מיטגליד פון לעטלענדישן פאלקסראט, וועלכער איז געווען די העכסטע אינסטאנץ פון דער מלוכה. צוזאמען מיט די פארטרעטער פון „בונד“ און „צעירי ציון“ האט ג. מיטגעהאלפן דורכפירן אין פאלקסראט די אנערקענונג פון דער יידישער שפראך און דעם נאמען ייד (און ניט עברי). ג. איז געווען דריי יאר ראטמאן פון דער ערשטער יידישער דעמאקראטישער קהילה אין לעטלאנד — ריגע (1920—1923), געווילט אלס פארטרעטער פון דער פאלקספארטיי, ביזן ארויסטרעטן פון אלע דעמאקראטישע גרופירונגען פון דער קהילה. ג. איז אויך געווען איינער פון די גרינדער און פינאנסיעלער אונטערשטיצער פון דער יידישער דעמאקראטישער און פאלקיסטישער פרעסע אין לעטלאנד (ז. אויבן).

מיט עמיגראציע-ענינים האט זיך ג. פארנומען נאך אין אמעריקע. אין די יארן 1894—1895 געווען איינער פון די ערשטע טוער פון „היאס“ אין אמעריקע אויף עריטאן סטריט אין ניו-יארק. אין די יארן 1901—1906 געווען אן אמעריקאנער מלוכה-אינספעקטאר אויף עליס-איילענד. אין יאר 1921 איינער פון די גרינדער פון ריגער „היאס“, פון וועלכן ער איז געווארן פירער פון ביורא און אויך א סעקרעטאר פאר די באלטישע לענדער ביזן יאר 1925—1926, ווען אין די לענדער זיינען געווארן באזונדערע ביוראען (ריגע און קאוונע). ווען סוף 1927 האט יק"א אנגעהויבן ארבעטן אויפן עמיגראציע-געביט אין סאוועט-רוסלאנד, איז ג. נאמינירט געווארן אלס פארטרעטער פון יק"א ווענן די באטרעפנדע עמיגראציע-ענינים אין ריגע.

רובינשטיין יצחק, רב. הרב ר' יצחק רובינשטיין איז געבארן אין יאר 1880 אין דאטנעווע (ביי קיידאן) קאוונער גוב. אין א רבנישע משפחה. געלערנט אין קאוונע, וואלאזשין און אנד. ישיבות, וואו ער האט געשמט אלס „עלוי“. צו 22 יאר האט ער חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון גאון ר' חיים ירמיהו פלענסבערג פון שאקי, דער שפעטער באקאנטער כלל-טוערין און העברעאישער פובליציסטין אסתר רובינשטיין (געשטארבן אין ווילנע אין יאר 1924. איר אנדענקן איז געווידמעט דאס זאמלבוך „ספר•זכרון להרבנית אסתר רובינשטיין ז"ל“, ווילנע 1926). נאך דער חתונה האט הרב רוב., ניט האבנדיק קיין עלעמענטארסטע וועלטלעכע ידיעות, בלייבנדיק ווייטער ביים בית מדרש, זיך גענומען צו בילדונג, און אין א מערקווירדיק קורצער צייט אויסגעהאלטן די מאטורע-עקזאמענס אלס עקסטערן. ער קומט אן אויפן יורידישן פאקולטעט פון מאסקווער אוניווערסיטעט, וואוהין ער פארט נאר צו די עקזאמענס, ווידמענדיק ווייטער זיין צייט בעיקר דעם לימוד-התורה. אין יאר 1906 איז ער געווארן רב אב"ד אין גענישעסק, טאווּרישער גוב. אין יאר 1910 איז הרב ר' יצחק רובינשטיין אויסגעקליבן געווארן אלס ראבינער אין ווילנע.

מיטן אריבערפארן קיין ווילנע הויבט זיך אן זיין פילזייטיקע טעטיקייט אויף די פארשיידענע געביטן פון יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. ער איז נאענט באטייליקט אין דער צדקה-גדולה, וועלכע האט דאן קאנצענטרירט די ווילנער יידישע קהלשע געזעלשאפטלעכקייט. אין 1914, ווען ס'איז אויסגעבראכן די וועלט-מלחמה מיט די מאסן-גרושים, רדיפות און פארשיידענע גזרות אויף יידן, האט הרב רובינשטיין אומאויפהערלעך אינטערווענירט ביי די מיליטערישע פירער פירשט טומאנאוו, קירלאוו, דאנילאוו, אלעקסעיעוו, איוואנאוו און פיל אנד., וועלכע האבן געהאלטן אין זייערע הענט דעם גורל פון הונדערטער טויזנטער יידן. ער איז דאן אויך געפארן צוזאמען מיטן מאסקווער ראבינער מאזע צו ניקאלאי ניקאלאיעוויטש אין באראנאוויטשער סטאווקע. אדאנק זיינע דרייסטע אויפטריטן ביי די רוסישע מאכטהאבער האט זיין ארבעט אנגענומען א ברייטן פארנעם און געהאט א גרויסן ערפאלג. אזוי האט ער אויסגעווירקט, אז עס זאל בטל ווערן די גזרה וועגן ארויסטרייבן אין משך פון דריי טעג די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון טראקער. גראדנער און סאקאלקער קרייזן. וואס האט אויך פארהיט ווילנע אליין פון גרוש. ווי אויך, אז עס זאל בטל ווערן דער גרוש פון עטלעכע צענדליק טויזנט יידישע פליטים און ארויסגעטריבענע פון די פוילישע שטעטלעך, וועלכע האבן זיך געפונען אין ווארשע און ווילנע. ער האט אויך אפגעראטעוועט אין דער לעצטער מינוט דעם היסטארישן ווילנער אלטן בית-עולם, אויסווירקנדיק ביים פירשט טומאנאוו מבטל צו מאכן דעם באפעל אויסצוהויען דארט קאזאקישע קאזארמעס.

ווען די דייטשן האבן זיך דערנענטערט, איז אין ווילנע אויסגעבראכן א פאנישע באוועגונג צו אנטלויפן קיין רוסלאנד אויס מורא פאר די מלחמה-געשעענישן. ווילנע איז פארלאזן געווארן דורך דעם גרעסטן טייל פון איר אינטעליגענץ און כלל-טוער. פארבליבן זיינען די ארעמערע שיכטן מיט א טרויעריקער פערספעקטיוו פון הונגער און נויט. הרב רובינשטיין האט דאן באקומען א באפעל פון דער מיליטערישער מאכט תיכף ארויסצופארן קיין רוסלאנד און עוואקואירן מיט זיך דעם מעטריקאלן ארכיוו, פאר וועלכן מ'האט שוין אפילו באשטימט פלאטפארמען. ער האט אבער דעם באפעל ניט געפאלגט — אין עטלעכע טעג ארום זיינען די רוסן אנטלאפן. אזוי איז אפגעראטעוועט געווארן דער ארכיוו פאר די ווילנער יידן.

בשעת דער דייטשער אקופאציע איז הרב רובינשטיין געווען דער פארזיצער פון ווילנער „צענטראל-קאמיטעט“ און דער פארזיצער פון „צענטראלן אונטערשטיצונגס-קאמיטעט“, וואס איז געשאפן געווארן פארן גאנצן געביט „אבער-אסט“, וועלכער האט ארומגענומען די גרויסע שטחים פון ריגע ביז קאוועל און פון דווינסק ביז אונטער ווארשע (גאנץ לעטלאנד, קורלאנד, קאוונער ליטע און פויליש ליטע). דער צ. ק. האט אנגעפירט ניט נאר מיט דער הילפס-ארבעט פאר דעם ראזיקן געביט, נאר אויך מיט דער פאליטישער טעטיקייט. דער פארזיצער פלעגט צונויפרופן קאנפערענצן צו אנטשיידן די וויכטיקסטע פאליטישע פרא-

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

בלעמען פון יענע שטורעמדיקע צייטן, און האט געפירט אונטערהאנדלונגען אין נאמען פון קאמיטעט.

בעת דעם גרויסן הונגער, עפידעמיעס און פלערליי גזרות איז הרב רובינשטיין שארף אויפגעטראטן ביי דער אקופאציע-מאכט אין ווילנע (פירשט איזענבורג, גראף יארק) וועגן פארגרעסערן דעם ראציאן ברויט און לינדערן די נויט אין די אקופירטע געביטן. ער האט אנגעפירט מיט א גרויסער דעפוטאציע צו די אקופאנטן וועגן פארבאט צו לערנען אין די שולן אדער איינצופירן די דייטשע אונטעריכטס-שפראך, און וועגן די ארעסטירטע לערער, וועלכע האבן דעם פארבאט נים געפאלגט, און די גזרה איז אפגעשריטן געווארן. ער האט אויך צונויפגערופן א גרויסע פראטעסט-אסיפה קעגן דער דייטשער צוואנגס-ארבעט, וואס איז געווען א שרעקלעכע פלאג פאר דער גאנצער באפעלקערונג, און דער רעגירונגס-קאמיסאר שמאלצענבערג האט שטרענג געדראט הרב רוב. צוציען אים צו פאראנטווארטלעכקייט פאר העצן קעגן דער מאכט. ווען די אקופאנטן האבן ארויפגעלייגט 100 פראצ. פון די גרויסע קאנטריבוציעס אויף דער יידישער באפעלקערונג (די א. נ. „צוואנגס-אנלייהע" איז ארויסגעגעבן געווארן אויף די פערזענלעכע נעמען פון הרב רובינשטיין און ד"ר י. ווינגאדסקי), האבן הרב רובינשטיין מיט ד"ר י. ווינגאדסקי זיך מוטיק אנטזאגט דעם באפעל דורכצופירן און האבן נאך ערמוטיקט די ארעסטירטע יידן אויסצוהאלטן דעם נסיון און נים אונטערצווארפן זיך, כדי נים צו באווייזן די אקופאנטן א געפערלעכן וועג אויף ווייטער. דאן איז אויך אינטערנירט געווארן ד"ר יעקב ווינגאדסקי.

הרב רובינשטיין האט אונטערגענומען שווערע פאליטישע רייזעס קיין אויסלאנד, כדי זיך צו באקלאגן אויף די נגישות פון דער אקופאציע-מאכט וועגן די גרויסע קאנטריבוציעס, אינטערנירונג פון ד"ר ווינגאדסקי, צוואנגס-ארבעט, הונגער א. אז. וו. ער האט דאן געפועלט אפצושאפן דעם שטרענגן פארבאט ארויסצופארן פון ווילנע, וואס איז געווען א גרויסע ישועה פאר טויזנטער יידן, וועלכע האבן זיך געראטעוועט אין די קלענערע שטעטלעך פון הונגער און עפידעמיעס. אין בערלין האט ער געהאלטן רעפעראטן פאר די יידישע רייכס-טאגס-אבגעארדנעטע וועגן די שיקאנעס אין אבער-אסט און וועגן לודענדארפס טייוולאנישן פלאן ארויסצושטויסן די יידן אינגאנצן פון זייערע עקאנאמישע פאזיציעס, דורך שאפן ליטוויש-דייטשע שטאטליך מאנאפאליזירטע גענאסנשאפטן (און דורכדעם פטור ווערן פון די יידישע פארמיטלער). אים איז דאן געלונגען צו איבערציינגן די דייטשע פאליטישע קרייזן, און איבערהויפט די סאציאליסטן, אין דער אמתער, אנטיסעמיטישער כוונה פון לודענדארפס „סאציאליסטישן" פלאן, און דעם פראיעקט אפצווענדן. ער האט אויך אינטערווענירט אין דייטשלאנד וועגן דייטש-ליטווישן אפמאך מכח דער טאריבא (לאנדראט), וועלכער האט באעולט די יידישע פארשטייערשאפט. א צווייטן מאל האט ער צוזאמען מיט ש. ראזענבוים, וויצע-פארזיצער פון צ. ק., דערלאנגט א מעמאראנדום צו דער צענטראלער רעגירונג אין בערלין וועגן באריקזיכטיקן די בירגערלעכע און נאציאנאלע רעכט פון די יידן ביים שאפן די מלוכה-ארדענונג אין אבער-אסט. דער רייכס-קאנצלער האט אים דאן צוגעשיקט אן אינטערעסאנטע דעקלאראציע וועגן אנערקענען די יידישע פאדערונגען.

אפנדיק גלייך פון אנהויב א קאנטאקט מיט די דייטשע הילפס-פאראיינען, פלעגט דער צ. ק. רעגלמעסיק באקומען באדייטנדע סכומים פאר די אקופאציע-געביטן. אין דייטשלאנד האבן אבער קאנקורירט צווישן זיך די פארשיידענע הילפס-קאמיטעטן, ווי „הילפס-פאראיין", „בני-ברית", „אגודה" א. א. דאס האט געצוואונגען הרב רובינשטיין אונטערצונעמען א רייזע קיין דייטשלאנד וועגן קאארדינירן די הילפס-טעטיקייט. אין בערלין, ביי זשעמס סימאן אין הויז, איז צונויפגערופן געווארן א קאנפערענץ פון די הילפס-ארגאניזאציעס און פראמינענטע פערזענלעכקייטן פון דייטשן יידנטום, וואו הרב רובינשטין האט געהאלטן א רעפעראט און נאך לאנגע דעבאטן איז באשלאסן געווארן צו גרינדן א פאראייניקונג פון אלע הילפס-קאמיטעטן („פיארד"). „פיארד" (פאראייניגונג יידישער ארגאניזאציאנען דויטשלאנדס) מיט זשעמס סימאן (פארזיצער) און פאול נאטאן (וויצע-פארזיצער) בראש האט פיל מיטגעהאלפן ביי דער דייטשער רעגירונג וועגן דער לאגע פון די אסט-יידן.

נאכן אריינטרעטן פון אמעריקע אין וועלט-קריג איז פארבאטן געווארן פון דער אנטאנטע צו שיקן געלט פון אמעריקע אין די אקופירטע געביטן, סיי צו געזעלשאפטן, סיי צו יחידים. דאס האט אין יענער צייט באדייט א הונגער-טויט פאר דעם גרעסטן טייל יידן, וואס האט געלעבט פון אמעריקאנער שטיצע. פריער פלעגן די געלטער גיין דורך דער נייטראלער האלאנד. הרב רובינשטיין האט דאן אונטערגענומען א רייזע קיין האלאנד, כדי זיך צו פארשטענדיקן וועגן דעם ענין. אים איז געלונגען צו באקומען א דיפלאמאטישע וויזע קיין האלאנד מיט א רעקאמענדאציע - טעלעגראמע פון האלענדישן אמבאסאדאר אין בערלין סאנגעמערס צום האלענדישן אויסערן-מיניסטער. אין האאג האט ער דערלאנגט אן אויספירלעכן מעמאראנדום צו דער האלענדישער רעגירונג מיט דער ביטע מיטצוהעלפן און האט אויך אינטערווענירט ביים אמעריקאנער אמבאסאדאר אין האלאנד. דער אמעריקאנער אמבאסאדאר האט אפגעשיקט הרב רוביושטיינס מעמאראנדום מיט א ווארעמער אונטערשטיצונג צו דעם פאריזער קאמיטעט פון דער אנטאנטע, און דער פארבאט צו שיקן געלט פון אמעריקע איז אראפגענומען געווארן.

דערווייל אבער האט מען אין אבער-אסט געהונגערט. הרב רובינשטיין האט אויסגענוצט זיין נסיעה אין האלאנד און האט אנטוויקלט א גרויסע הילפס-אקציע צווישן האלענדישן יידנטום, האט געהאלטן א ריי פארטראגן אין האאג, ראטערדאם, אמסטערדאם און אנדערע שטעט, און האט באוויגן דעם שטאטס-ראט פראפ. אפענהיים, דעם איינפלוסרייכסטן ייד אין האלאנד, זיך צו שטעלן בראש פון דער אקציע. אויף דער צונויפגערופענער פון גאנץ האלאנד קאנפערענץ אין האאג האט הרב רובינשטיין געהאלטן א רעדע וועגן דעם עלנט און פיין אין אבער-אסט און ס'איז באשלאסן געווארן צו פארשטארקן די הילפס-אקציע. די סומען פון האלאנד האבן געראטעוועט אין דער צייט, וואס אמעריקע האט אפגעשטעלט די שטיצע.

הרב רובינשטיין האט דאן אויך אויפגעהויבן אין די דייטשע קרייזן פון פראנקפורט, בערלין, קעניגסבערג און אנדערע שטעט א שול-פראפאגאנדע און מיט די געשאפענע ספעציעל פארן חנוך געלטער האט ער געגרינדעט אין ווילנע און פראווינץ רעליגיעז-נאציאנאלע שולן, דעם „ועד המאוחד", בראש פון וועלכן ער שטייט ביז אויף היינטיקן טאג.

אין יענער הונגער-צייט האט ר. אפילו באקומען ביי די דייטשן מעל אויף מצה פאר גאנץ אבער-אסט, און האט אויך געפועלט ביים פוילישן רעגענט לובאמירסקי אין ווארשע אומזיסטע וואגאנעס רייז פאר דער הונגעריקער ווילנע, וואס זיינען צעטיילט געווארן אין די שפיטעלער, יתומים-הייזער און אינטערנאטן.

אין לעצטן יאר פון אקופאציע (1918) האט הרב רובינשטיין צוזאמענגערופן א פאליטישע קאנפערענץ פון ביאליסטאקער, גראדנער, ווילנער און ארומיקע קרייזן. אויף וועלכער ס'זיינען אנגענומען געווארן החלטות וועגן דער פאליטישער האלטונג פון די יידן אין די איבערגאנגס-צייטן און וועגן ארגאניזירן די יידישע קהילות.

צו די וואלן פון דער ערשטער ווילנער דעמאקראטישער קהילה איז הרב רובינשטיין געשטאנען בראש פון פאראייניקטן ארטאדאקסישן צעטל („פאלקס-פאראייני-

קונג״) פון וועלכן ער איז אויך געווילט געוואָרן אין קהילה.

פאַרן אָפּטרעטן פון די דייטשן, האָט ימערלע, דער דייטשער הויך-קאָמיסאַר פאַר די באַלטישע געביטן איינגעלאַדן הרב רוב. אין קאָמיטעט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן איבערצונעמען נאָך אים די מאַכט.

אין יענער צייט איז הרב רובינשטיין טעלעגראַפיש אַרויסגערופן געוואָרן דורך פּראָפ. אָטאָ וואַרבורג אין נאָמען פון קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז צו דער שלום-קאָנפערענץ. האָט אָבער ניט געקענט דאַן פאַרלאָזן ווילנע צוליב דער אומקלאָרער פּאָליטישער סיטואַציע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס איינציקע מאָל אָנטיילגענומען אין די צוזאַמענפאָרן פון קאָמיטעט (לאָנדאָן, קאַרלסבאַד).

בשעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע איז הרב רוב. אויפגעטראָטן אין פאַרשיידענע ענינים, אינטערווענירט און באַפרייט פון תפיסה און אַרויסשיקונג פיל אומשולדיק-אַרעסטירטע, אַפילו געפועלט ביי די באָלשעוויקעס צו געבן מעל אויף מצה פאַר דער יידישער באַפעלקערונג צו קליינע פּרייזן א. אַז. וו.

אין די בלוטיקע אַפּריל-טעג 1919 האָט הרב רוב. אַרויסגעוויזן גרויס מסירת-נפש. בשעת די גאַסן-קאַמפן און פּאָגראָם אין שטאָט האָט ער זיך ניט באַהאַלטן און ניט ערום. צוזאַמען מיט ד״ר צ. שאַבאַד האָט ער דאַן מיט לעבנס-געפאַר אויך אָפּגעראַטעוועט די צום טויט-פאַרמשפּטע שריפטשטעלער ל. יפה און ש. ניגער און צוזאַמען זיינען זיי אַרעסטירט געוואָרן און זיינען געווען אין סכנה דערשאָסן צו ווערן אויף דער גאַס, בשעת זיי זיינען געגאַנגען צום מלוכה-שעף יוזעף פּילסודסקי בעטן אָפּצוהאַלטן די רציחות און רויבערייען. אויפצומאָרגנס האָט הרב רובינשטיין בראש פון א יידישער דעלעגאַציע אויף דער אוידיענץ ביי פּילסודסקין פאַרגעשטעלט דעם פאַרלויף פון בלוטיקן פּאָגראָם. דאַן האָט פּילסודסקי דערפילט דעם פאַרלאַנג תיכף צו שאַפן קאָמיסיעס אויף באַפרייען די מאַסן אומשולדיק-אַרעסטירטע אין ווילנע און וואוהין נאָר זיי זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן (קאָנצענטראַציאָנס-לאַגערן אין לידע, ביאַליסטאָק, קראָקע, משאַרמקאָוו א. אַז. וו.). פּילסודסקי האָט באַפוילן דעם גענעראַל-קאָמיסאַר פאַר די מזרח-געביטן אָסמאָלאָווסקי זיך צו פאַרשטענדיקן אין די אַלע פּרטים מיט הרב רובינשטיין.

שפּעטער, ווען דער קריגס-מיניסטער סאָסנקאָווסקי האָט אינמיטן פאַרווערט די ציווילע קאָמיסיע צו באַזוכן די געפאַנגענלאַגערן, האָט הרב רובינשטיין דערלאַנגט ווידער א מעמאָריאַל צום מלוכה-שעף, פאַררופנדיק זיך אויף זיין הבטחה צו אים, און סאָסנקאָווסקי האָט געמוזט נאָכגעבן. דאַן זיינען באַפרייט געוואָרן העכער 3.000 אַרעסטירטע יידן. ער האָט אויך פיל מיטגעאַרבעט מיט דער אַמעריקאַנער (מאָרגענטויס) און שפּעטער ענגלישער (סעמועלס) אויספאָרשונגס-קאָמיסיעס.

בעת דעם הונגער אין אוקראַינע איז ער געשטאַנען בראש פון א גרויסער הילפס-אַקציע פאַר די הונגעריקע אַלס פאָרזיצער פון א. ג. „הונגער-קאָמיטעט“.

בשעת דער קורצער הערשאַפט פון די ליטווינער אין ווילנע איז הרב רובינשטיין אַלס אויסגעוויילטער דורכן פּאָליטישן קאָמיטעט פון אַלע יידישע פּאַרטייען באַשטימט געוואָרן אַלס באַפולמעכטיקטער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין ווילנער ליטווישן קאַבינעט. ווען זשעליגאָווסקי האָט זיך דערנענטערט איז דער גאַנצער קאַבינעט זיך צעפלויגן, בלויז הרב רובינשטיין איז פאַרבליבן אין ווילנע, און שוין אין עטלעכע טעג אַרום איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער רעגירונגס-קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן די גוואַלדטאַטן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג דורכן פּוילישן חייל. די קאָמיסיע האָט געהאַט א מעכטיקע באַדייטונג ניט אַזוי אויף לעבר, ווי זי האָט פאַרהיט פון פיל אומגליקן אויף ווייטער (אַלע מאַטעריאַלן פון דער קאָמיסיע געפינען זיך אין הרב רוב. היסטאָרישן אַרכיוו).

ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אינקאָרפּאָראַציע פון ווילנע אין פּוילן איז הרב רוב. צוזאַמען מיט ד״ר י. ווינאָגראַדסקי און ד״ר צ. שאַבאַד אַרויסגערופן געוואָרן אויף אונטערהאַנדלונגען קיין וואַרשע צום פּוילישן פּרעמיער פּאָניקאָווסקי און אויסערן-מיניסטער סקירמונט. וועגן דעם ענין האָט דער פּרעמיער פון דער מיטל-ליטווישער רעגירונג מיישטאָוויטש אַפילו באַזוכט הרב רוב. אינדערהיים. אויך דער פאָרזיצער פון דער פעלקער-בונד קאָנטראָל-קאָמיסיע שאַרדיני פלעגט שטענדיק קומען צו הרב רובינשטיין מיט באַזוכן וועגן ענין ווילנע און דער באַציאונג פון די יידן.

ווען ווילנע איז איבערגעגאַנגען צו פּוילן האָט הרב רובינשטיין געהאַט פיל אַרבעט וועגן דער בירגערשאַפטס-פראַגע. טויזנטער יידן פון די קרעסן זיינען לויט די פּוילישע פאַרשריפטן אָנערקענט געוואָרן אַלס פרעמדע בירגער (אָבצעקראַיאָווצעס). ער האָט אומאויפהערלעך אינטערווענירט וועגן אָפּהאַלטן די גרושים, פלעגט צושטעלן נאָכאַנאַנד מעמאָריאַלן צו דער רעגירונג וועגן דער אַנגעווייטאָקטער פראַגע. ווען הרב רובינשטיין איז אין יאָר 1922 אויסגעוויילט געוואָרן אין סענאַט, איז ער אויפגעטראָטן וועגן דעם ענין אין די קאָמיסיעס און אויפן פּלענום. ער איז דאַן איינגעלאָדן געוואָרן דורכן וויצע-פּרעמיער טוגוט אָנטיילצונעמען אין דער קאָמיסיע אויסצואַרבעטן די בירגערשאַפטס-פאַרשריפטן, אין רעזולטאַט פון וועלכע זיינען איינציקע קאַטעגאָריעס יידן אָנערקענט געוואָרן פאַר פּוילישע בירגער.

אין 1927 איז הרב רובינשטיין ווידער אויסגעקליבן געוואָרן אין סענאַט פון ביאַליסטאָקער און קיעלצער וואָיעוואָדסטווע. אין ביידע סענאַטן איז ער געווען א שטענדיקער מיטגליד פון בילדונגס-קאָמיסיע און ער איז אָפט אַרויסגעטראָטן אויפן געביט פון אינערן- און שול-פּאָליטיק אין די קאָמיסיעס און פּלענום פון סענאַט.

אין יאָר 1928 איז הרב רובינשטיין ווידער אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער ניי-געוויילטער ווילנער קהילה אַלס ווילנער קהילה-רב. ער איז צווייטער פאָרזיצער פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע, פאָרזיצער פון ווילנער הילפס-קאָמיטעט, פאָרזיצער פון שטראַשונס-ביבליאָטעק, פון מזרחיסטישער בילדונגס-צענטראַלע „תחכמוני — ועד-המאוחד“, קוראַטאָר און גרינדער פון דעם מזרחיסטישן לערער-סעמינאַר אין ווילנע, גרינדער פון דער מזרחי-אָרגאַניזאַציע אין ווילנער קאַנט (1920), פאָרזיצער פון מרכז המזרחי און מיטגליד פון ועד הראשי פון אַלוועלטלעכן מזרחי, פאָרזיצער פון מועצת קרן-היסוד אין פּוילן, פון ווילנער קרן-היסוד, פון 12-טן קאָנגרעס אַן מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיטעט, פון ראַט פון דער יידישער אַגענץ, פון קוראַטאָריום פון העברעאישן אוניווערסיטעט און יודאַאיסטישן אינסטיטוט אין ירושלים, פון דער עקזעקוטיווע פון אַלוועלטלעכן אמונות-קאָנגרעס צו באַקעמפן מלחמות, פון אינסטיטוט צו פאָרשן די מינאָריטעטס-פראַגע אין פּוילן א. א.

הרב רובינשטיין באַזיצט א גרויסן היסטאָרישן אַרכיוו פון דער מלחמה- און אָקופּאַציע-צייט מיט פיל דאָקומענטן, וואָס וואַרטן נאָך אויף זייער באַאַרבעטונג.

(לויט די אייגן-אָנגעוויזענע
אַרכיוו-מאַטעריאַלן).

שאַבאַד צמח, ד״ר מעד. איך בין געבאָרן געוואָרן דעם 5 פעברואַר (ו׳ אדר) 1864 אַלטן סטיל אין ווילנע אין כאַמינסקעס הויף אויף יאַטקעווער גאַס, וואָס דער אַנדערער טויער גייט אַרויס אויף ברייטע גאַס (אויפן פּלאַץ אַנטקעגן אַלטן טעאַטער). איך בין געווען דער 7-טער אין דער פאַמיליע און געבליבן א מיזיניק. מיין מוטער, א טאָכטער פון יעקב פּיטסקין, דעם באַקאַנטן ראש-ישיבה ראַמיילעס, האָט געהאַלטן אַן אָגולנע גאַלאַנטעריי-קראָם אין יאַטקעווער גאַס, און מיין פאָטער, יוסף זעליג שאַבאַד (ש״ב״ד—שליח בית-דין), איז

געווען א מאסקעווער „זיצער“, ד. ה. פלעגט איינקויפן סחורה אין מאסקווע און שיקן אין ווילנע. דאמאלסט איז נאך קיין אייזנבאן ניט געווען, און אין מאסקווע פלעגט מען פארן מיט פערד אויף מינסק און סמאלענסק. אזא נסיעה פלעגט דויערן א וואכן 3, און ס׳פארשטייט זיך — אפט הין און צוריק פלעגט מען ניט קענען פארן. מיין פאטער פלעגט קומען אהיים 2 מאל א יאר — אויף פסח און אויף ימים-נוראים און סוכות.

קיין גרויס שמחה איז מיין קומען אויף דער וועלט ניט געווען. מיין מוטער איז שוין דאמאלסט אלט געווען א יאר 40; געהאט א שווערן קימפעט און האט גיך נאכן האבן געמוזט גיין אין געשעפט ארבעטן. מיך האט מען אפגעגעבן צו אן אם אויף נאווינאראד און נאר פון צייט צו צייט פלעגט מען מיך ברענגען אהיים „וויזן“. ווען מען האט מיך אינגאנצן אפגעבראכט אהיים, ווייס איך ניט. איך געדענק, אז ווען איך בין געווען אלט 1 יאר, האבן מיר געוואוינט אויף דייטשע גאס אין ראשעטילעס הויף (שפעטער סאלץ-הויף, איצט נומ׳ 27). פון דארטן פלעג איך אפט איבערלויפן אויף דער אנטקעגנדיקער לאווע און ניט איינמאל געקראגן שמיץ מיטן ביימש פון די „איזוואשציקעס“, וואס פלעגן מיך שיר ניט איבערפארן. צו יענער צייט לאווע פלעגט מיך שטארק צוציען אליהו קאסאווסקיס קראם מיט צאצקעס, וואו איך פלעג קענען אפשטיין שעהן-לאנג און קוקן אין די פענסטער.

צו 4—5 יאר האב איך אנגעהויבן גיין אין חדר צוזאמען מיט מיין שוועסטער, וואס איז געווען מיט 1½ יאר עלטער פאר מיר. דער דאזיקער דרדקי מלמד איז געווען **מיטאווער** (דעם ד״ר מיטאווערס פאטער), פיל האב איך זיך ביי אים ניט אויסגעלערנט. איך געדענק, אז איך בין געווען אזוי קליין, אז כדי צו דערגרייכן צום טיש, פלעגט מען מיר אונטערשטעלן אויפן באנק א קליינע קעסטל פון ליכט, דערנאך האט מען מיך אפגעגעבן צו **שלמה סגל** „די קורצע הענטל“, וואס האט געוואוינט אויף רודניצקער גאס אין זאמייסקעס הויף (איצט נומ׳ 10), ער פלעגט אונז אפט שלאגן מיט זיין זשאזשקע אין דלאניע, און דערביי פלעגט מען מוזן אליין אויסשטרעקן די האנט. פרייטאג פלעגט ער מאנכע קינדער שטייסן גלאט אזוי, כדי זיי זאלן זיך שבת גוט אויפפירן. דערביי פלעגט מען אוועקלייגן א שטענדער אינדערלענג, און דאס יינגל פלעגט זיך אליין מוזן לייגן. שלמה סגל האט געהאט א באהעלפער, וועלכער פלעגט די גאנץ קליינע קינדער אפפירן אהיים. אין חדר פלעגט מען לערנען פון 9—10 פרי ביז 6—7 אינאוונט, אפילו ווינטער. דער דריטער רבי מיינער איז געווען ניסן יאנקל **פינימאוויטש**, א ליבער מענטש, א גוטער בעל וקדוש; (געוואוינט אין יעדימאנסקיס זאוואלעק אין געלפיים הויף).

נאך איידער איך בין געווארן אלט 11 יאר און נאכדעם ווי מיין זיידע יעקב דוד פיעסקין איז געשטארבן (ווינטער 1873), האט מען מיך אפגענומען פון חדר און שוין אנגעהויבן צוצוגרייטן צו גימנאזיע. אפריער האט מיט מיר געלערנט מיין פאטערס שטיפברודער **בענדעט שאבאד** ווער האט געענדיקט 8 קלאסן ראבינער-שול אין ווילנע און געווארן „נאדזיראטעל איבער נאראדני אוטשילישטשע“ און אין די חדרים. דערנאך איז ער אנגעקומען אין פעטערבורגער טעכנאלאגישן אינסטיטוט, נאכן ענדיקן א קורצע צייט געווען לערער אין א מלוכהשער רעאל-שול אין באקו (קאווקאז), געווען הויזלערער ביים באקאנטן ארמענישן גביר מאגיעוו (אינהאבער פון די נאפט-גרובן), דערנאך אליין געהאנדלט מיט נאפט (קעראסין) אין רוסלאנד און געשטארבן דארטן — אן ארעמאן) צוזאמען מיט נאך א יינגל זייער א פעאיקן, אברהם יאפע, ישעיה יאפעס זון. איך האב געהאט א לערער א „טייערן“ (**זארכי**) פאר 5 רובל א חודש. עטלעכע חדשים האב איך ביי אים געלערנט צוזאמען מיט מיין שוועסטערקינד וואלף מאקאווער (שפעטער אינזשענער). די רוסישע לימודים זיינען מיר אנגעקומען ניט לייכט. און קיין התמדה האבן זיי ביי מיר ניט ארויסגערופן: איך האב זייער ניט געוואלט לערנען, הגם דער חשק אנצוקומען אין גימנאזיע איז ביי מיר געווען זייער גרויס און נאך גרעסער איז געווען דער שרעק פאר די עקזאמענס. אינטערעסאנט זיינען מיר געווען די מעשיות פון דער כרעסטאמאטיע **פאולסאן**, אבער **קרילאוון** פלעג איך שילטן, פארוואס ער האט געשריבן אזוינע „באסנעס“, וואס מען פלעגט מוזן לערנען אויף אויסווייניק, און אויך **מאלינסנען**. וואס די אריטמעטישע כללים האט מען אויך געמוזט קענען אויף אויסווייניק.

מיטן אפגעבן די „פראשעניעס“ אין גימנאזיע האט זיך פארנומען מיין ברודער **איזידאר שאבאד**, וואס איז שוין געווען א סטודענט אין ריגער פאליטעכניקום (געענדיקט 7 קלאסן ראבינער שול בעת זי האט זיך פארמאכט אין 1872). געוואלט האב איך אנקומען אין גימנאזיע, ווייל איך האב שוין צו 10 יאר געחלומט צו זיין א דאקטאר. דער עיקר האט אויף רעם דאזיקן באשלוס געווירקט דער איינדרוק, וואס האט געמאכט אויף אונז אלעמען איינער **סקורכאוויטש**. ער איז אמאל געווען א ישיבה-בחור ביי מיין זיידן, איז געפארן שטודירן אין פעטערבורג און געווארן מיליטער-דאקטאר. אט דער סקורכאוויטש (קוזמא קאנסטאנטינאוויטש) איז אמאל געקומען צו אונז שבת ביינאכט אפגעבן א גערוס פון מיין שוועסטער פון מאסקווע. ער האט געטראגן א „פולע מיליטערישע אוניפארם“ מיט גרויסע אראפהענגענדיקע שליפעס אויף די אקסלען, א שווערד מיט א ווייסן פרענדזל און ווייסע זעמשענע הענטשקעס. ביים אריינגיין האט ער אראפגענומען זיין ברייטע מיליטערישע הימל מיט א קאקארדע, אריינגעלייגט אהין די הענטשקעס און גערעדט רוסיש. ער האט געטראגן ברילן, א קליינע באקנבארד און גרויסע וואנצעס. אט אזא דאקטאר האט זיך מיר געוואלט זיין.

מיט מיינע עלטערן האט סקורכאוויטש גערעדט יידיש (ס׳פארשטייט זיך, א גאנץ גוטן), און מיין ברודער האט ער געוויזן א גראבן העפט מיט זיינע געשריבענע רוסישע פערזן, וואס אויף דער ערשטער זייט איז געווען אנגעקלעפט זיין פאטאגראפיע. שפעטער איז סקורכאוויטש געווארן אויס מיליטער-דאקטאר. האט ארויסגעגעבן א קליינעם פאפולערן זשורנאל „דאקטאר“, וואו ער פלעגט אליין שרייבן אלע ארטיקלען אונטער פארשיידענע איניציאלן. ער האט געוואוינט אין מאסקווע און פון יידישן לעבן געווען זייער ווייט. מען האט דערציילט, אז זיין ווייב איז „אנטלאפן מיט אן אפיצער“, און וואס איז מיט אים ווייטער געווארן, ווייס איך ניט. דוכט זיך ער האט זיך געשמדט.

אין ווילנע איז אין די 70-ער יארן געווען איין 8-קלאסיקע גימנאזיע, איין 6-קלאסיקע פראגימנאזיע און א 7-קלאסיקע רעאל-שול מיט א קאמערץ-אפטיילונג. פון 6 קלאסן די פראגימנאזיע האט זיך געעפנט אין א יאר ארום ווי ס׳האט זיך פארמאכט די ראבינער-שול, און איז טאקע געווען פול מיט יידן, די וואס האבן געענדיקט 6 קלאסן פראגימנאזיע, פלעגן אריבערגיין אן עקזאמען אין 7-טן קלאס גימנאזיע (2 פאראלעלע קלאסן). שפעטער האט זיך די גימנאזיע פארוואנדלט אין א 2-טער פולע 8-קלאסיקער גימנאזיע.

קיין שום באגרענעצונגען ביים אנקומ

אין די שולן פאר יידן איז דאמאלסט ניט געווען, נאר אנגענומען פלעגן ווערן די וואס פלעגן ב״ם עקזאמען באקומען בעסערע מיינונגען. מיין ברודער האט אפגעגעבן מיינע פאפירן אי אין גימנאזיע, אי אין רעאל-שול (די עקזאמענס זיינען געווען ניט אין איין טאג). איך האב אין גימנאזיע באקומען 2 פירן און איין פינף (דיקטאנט, רוסיש און אריפמעטיק), און אין רעאל-שול—2 פינפן און איין פיר. אזוי ארום בין איך אנגעקומען ניט אין גימנאזיע, נאר אין רעאל-שול.

די גימנאזיע און די פראגימנאזיע האבן זיך דאמאלסט געפונען אין בנין פון איצטיקן אוניווערסיטעט. דער אריינגאנג אין פראגימנאזיע איז געווען פון אוניווערסיטעט-גאס (פריער דווארצאווע גאס), די רעאל-שול איז געווען אין בנין פון דער איצטיקער אזשעשקאווע גימנאזיע, לעבן דעם דאמאלסטיקן יידישן לערער-אינסטיטוט (איצט געפינט זיך דארטן די קהילה, דער מוזיי פון דער היסט.-עטנאגר. געזעלשאפט, ביידע לערער-סעמינארן און א פאלקס-שול „לייזער גורוויטש").

די גימנאזיסטן פלעגן טראגן קעפקעס און מונדירן פון בלאער געוואנט מיט ווייסע מעשענע קנעפ, און די רעאליסטן — פון טונקל-גרינער געוואנט מיט געלע קנעפ. די זעלבע פארבן האבן אויך געהאט די מאנטלען (שינעלן). ביידע אוניפארמען — בעת זיי זיינען געווען נײ — זיינען געווען זייער שיין און געהאט א געוואלטיקע צוציאונגס-קראפט. דאס רוב פלעגט מען אזוינע בגדים קויפן פארטיקע אין א טאנדעט-קראם אויף יאטקעווער גאס ביי חיניקעסן.

אין רעאל-שול איז נאך דאמאלסט אין 1874/5 געווען ווייניק יידן — אן ערך 20. אין די ערשטע 3 קלאסן זיינען געווען 2 פאראלעלע אפטיילונגען. אין דער ערשטער אפטיילונג זיינען געווען בלויז קריסטן, פון מער אריסטאקראטישע פאמיליעס. די עטלעכע יידן האט מען אנגענומען אין דער 2-טער אפטיילונג. אגב האט מען אין דער ערשטער אפטיילונג געצאלט מערניט 10 רובל א יאר, און אין דער צווייטער — 60. איבעריקנס האבן דאס רוב פראוואסלאווע קינדער ניט געצאלט קיין שכר-לימוד, ווי קינדער פון באאמטע, דער עיקר פון די גרענעץ- (צאל) באאמטע. אזוינע ניט קיין היגע פלעגן וואוינען אויף באשטעטיקטע דורך דער שול-מאכט שילער-וואוינונגען אדער אין „קאנוויקט".

בעת איך בין געווען אין 3-טן קלאס רעאל-שול, איז דאס יאר אגב געווען א „גליקלעכער יאר" פאר די תלמידים; דאס איז געווען אין 1876—1877 בעת דעם רוסיש-טערקישן קריג. ווען כמעט עטלעכע מאל אין וואך פלעגט מען אפלאזן די תלמידים פון די למודים. צוליב פארשיידענע „נצחונות" אין דער מלחמה. פלעוונע, א שטייגער האט מען „גענומען" 3 מאל.

אין רעאל-שול בין איך אבער לאנג ניט פארבליבן. מיין ברודער איז געשטאנען דערפאר, אז איך זאל אריבערגיין אין גימנאזיע, כדי אמאל צו האבן די מעגלעכקייט צו „ווערן א דאקטאר". דערצו האט מען געדארפט קענען לאטיין און האלטן עקזאמען פון אלע 3 קלאסן. מען האט מיר גענומען א לערער פון די גימנאזיסטן (אפריער סאלאמאן מינקאווסקי, דערנאך בנימין פאליאק (שפעטער — באקאנטער אדוואקאט), וואס האט מיט מיך געלערנט לאטיין. דאס איז געווען פאר מיר ניט לייכט, ווייל איך האב געמוזט אין דערזעלבער צייט אויך צוגרייטן די לעקציעס פארן קלאס. דער עיקר פלעג איך פלאנטען די לאטיינישע מיט די פראנצויזישע ווערטער. פונדעסטוועגן האב איך אין אווגוסט דעם עקזאמען אויסגעהאלטן, אבער דערביי פארלארן א יאר, ד. ה. אנגעקומען אין 3-טן קלאס. אין איין צייט מיט מיר—מיט 1—2 קלאסן יינגער—האבן זיך דאמאלסט געלערנט אין ווילנער גימנאזיע יוזעף פילסודסקי און מיט עטלעכע קלאסן העכער—דער זון פון גענעראל סטאליפין. אין 4-טן קלאס איז ער דורכגעפאלן ביים עקזאמען און האט זיך אין גימנאזיע גופא געשאסן (אבער ניט געפערלעך). פאר אונז איז דאס געווען א גאנצע געשעעניש.

שבת, דעם 8-טן דעצעמבער 1878 האט מיט מיר געטראפן אן אומגליק. ס'איז געווען א קאטוילישע חגא, די פאלאקן (א מערהייט) זיינען אין קלאס ניט געקומען, און על פי צופאל האבן אויך עטלעכע יידן געפעלט. צווישן זיי בין איך אויך געווען. דער אינספעקטאר שאקאלסקי האט אונז געשיקט רופן און באשטראפט מיט 2 שעה בלייבן אין קלאס נאך די למודים. אין א פריוואטן געשפרעך מיט די חברים האב איך פראטעסטירט קעגן דער האנדלונג פון אינספעקטאר און אים אנגערופן מיט א זידלווארט „סוואלאטש". דאס האט געהערט א שילער יורעוויטש (א זון פון א פאפ) און געמסרט דעם אינספעקטאר. דער איז אין כעס געווארן און מיר תיכף געמאלדן, אז איך בין אויסגעשלאסן פון גימנאזיע. דער אלטיטשקער נאדזיראטעל האט מיך א ווײנענדיקן אפגעפירט אהיים.

ס'האט ניט געהאלפן קיין בעטענישן. דער אינספעקטאר האט געטענהט, אז פון מיר „וועט שוין קיין גוטס ניט ארויסקומען". דער דירעקטאר באלוואנאוויטש — וואס האט פון דער גאנצער מעשה גארניט געוואוסט — איז פונדעסטוועגן געווען אין אן אנדער מיינונג, און האט געפועלט, אז מען זאל מיר שטעלן א 4 פאר ביידע פערטל יאר אויף אויפפירונג, כדי מיר צו געבן די מעגלעכקייט אנצוקומען אין אן אנדער גימנאזיע. אין א פאר וואכן ארום איז טאקע געלונגען דורך פראטעקציע פון מיינע ברידער, אז מען זאל מיך אננעמען אין זעלבן קלאס פון דער ווילנער פראגימנאזיע. אזוי ארום האב איך אין משך פון 6 יאר באזוכט אלע 3 ווילנער מיטלשולן, געהאט פארשיידענע חברים און זיך אנגעזען פארשיידענע דאמאלסטיקע פעדאגאגן.

„פאליטיש" בין איך דאמאלסט געווען זייער רעוואלוציאנער, אבער שטילערהייט. אין 1879 בעת מיין שוין דערמאנטער פעטער בענדעט (סטודענט-טעכנאלאג) האט ביי אונז אין שטוב דערציילט אין מיין אנוועזנהייט וועגן דעם אטענטאט פון סאלאוויאוון אויפן קייזער אלעקסאנדער דעם צווייטן (איך האב שוין דאמאלסט געלייענט וועגן דעם אין די צייטונגען „נאוואסטי" און „גאלאס" — וואס פלעגן דאמאלסט זייער גענוי שרייבן וועגן פאליטישע פראצעסן), האב איך מיטאמאל אויסגעשריען: „לעבן זאל די קאנסטיטוציע". אלע האבן זיך דערשראקן און געהייסן שווייגן.

נאך פריער פלעגט מיך זייער אינטערעסירן וואס טוען זיך ביי אונז וועגן די ארעסטן פון די יידישע יונגעלייט (זונדעלעוויטש, בארעל, וויינשטיין, באנדאס), וואס זיינען אריינגעזעצט געווארן אין 14-טן נומער, ווייל זיי האבן געוואלט „אראפווארפן דעם קייסער", און מען האט ביי זיי געפונען „פארבאטענע ביכלעך". נאך א גרעסערן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט דער 1-טער מארט 1881 (איך בין דאמאלסט געווען אין 5-טן קלאס), ווען מען האט געהרגעט אלעקסאנדער דעם 2-טן. מיר האבן אין הארצן געלאכט פון די לערער אין גימנאזיע, וואס האבן געוויינט פון דער געשעעניש, און פיל פון אונז האבן זיך ארויסגעמאכט פון צו גיין אין גרויסער שול „שווערן דעם נייעם קייזער". אגב א גאנצן יאר האבן אלע גימנאזיסטן געטראגן טרויער אויף די ארבל, און אויף שווארצע קרעפ איז געווארן א שטארקער יקרות. מיט מיין חבר און תלמיד מיכאל מירסקי (ערשט אין אמעריקע, א רייכער מאן) פלעגן מיר זיך רק שושקענען. נאר צו וועמען זיך ווענדן, כדי אנצוקומען אין א אונטערערדישע ארגאניזאציע, האבן מיר ניט געוואוסט. איך בין חושד געווען, אז לוקאשעוויטש (וואס איז געווען מיט א קלאס העכער), דער באקאנטער דערנאך שליסלבורגער ארעסטאנט, שפעטער פראפעסאר אין ווילנער אוניווערסיטעט האט יא עטוואס געוואוסט. אבער איך האב מערניט געזען די

קלוגע קאריקאטורן, וואס ער פלעגט מאלן און וועלכע פלעגן אלעמען געפעלן.

אין 1881 זיינען מיינע עלטערן אריבערגעפארן קיין מאסקווע, און איך בין אויך אריבער אין 6-טן קלאס פון דער מאסקווער 2-טער גימנאזיע. דא האב איך זיך דורך מיין שול-חבר מענדל מארעק (א ברודער פון באקאנטן פסח (פיאטר) מארעק), וואס האט געשריבן שיינע רוסישע פערזן אלא נעקראסאוו, נעענטער באפריינדעט מיט א רעוואלוציאנערן קרייזל — מיט מיכאיל גאץ (געווען מיט א קלאס נידעריקער פון מיר), אסיפ מינאר, רובינאק (יונג געשטארבן), סטרעשקאוויטש, איסידאר פונדאמינסקי (זיך געלערנט אין רעאל-שול) א. א. אין אונזער קרייזל זיינען אויך געווען א פעאיקער און קלוגער גימנאזיסט לאחמאקין, זובאטאוו (שפעטער בארימטער זשאנדארם), אקושערקעס, טעכניקער א. א.

דער פועל-יוצא איז געווען, וואס אין 7-טן קלאס האב איך זיך שלעכט געלערנט. בכלל גרייטן זיך צו די אלע לעקציעס און זיי פינקטלעך צו באזוכן איז געווען ביי אונז א בזיון. מיר האבן זייער פיל געלייענט — ראדיקאלע און פאלקיסטישע רוסישע ליטעראטור, די רוסישע זשורנאלן און פארבאטענע ביכער פון טשערנישעווסקי, מירטאוו (לאווראוו), עקאנאמישע (מיל, מארקס), פילאזאפישע (לעסעוויטש) א. א. צו קאנטראל האט מען אין קרייזל געפאדערט, אז מען זאל שרייבן קאנספעקטן פון דעם, וואס מיר האבן געלייענט. א היפשע צאל קאנספעקטן זיינען ביי מיר געבליבן נאך עד-היום.

צוליב דער רעוואלוציאנערער שטימונג בין איך (צוזאמען מיט טערעשקאוויטשן) ארויסגעטראטן פון גימנאזיע און אנגעקומען אין וועטערינאר-אינסטיטוט אין קאזאן. ס'האט זיך מיר געוואלט וואס גיכער ווערן א „סטודענט", זיין פריי און ניט האבן אויף זיך די השגחה פון די לערער. די גימנאזיע איז מיר נמאס געווארן. מיט די עלטערן און אלע קרובים האב איך זיך מיט מיינע פלענער ניט געטיילט. פונדעסטוועגן האב איך דערנאך חרטה געקראגן. איך האב געהאלטן, אז א דאקטאר קען העלפן מערער דער מענטשהייט, ווי א וועטערינאר. כ'האב צוריק גענומען מיינע פאפירן פון קאזאן, געזעסן א יאר אינדערהיים און זיך גענומען גרייטן צום עקזאמען אויף עקסטערן. אין מאי 1884 האב איך אויסגעהאלטן דעם עקזאמען פון אלע 8 קלאסן אין טולע (אין דעם דאזיקן ארויסלאז איז אויך געווען דער באקאנטער רוסישער שרייבער סמידאוויטש (ווערעסאיעוו). אין סעפטעמבער בין איך גלייך אנגענומען געווארן אויפן מעדיצינישן פאקולטעט אין מאסקווע. קיין פראצענט-נארמעס זיינען נאך דאמאלסט ניט געווען. ס'איז נאך געווען חל דער אלטער סטאטוט. ווער ס'האט נאר געענדיקט א גימנאזיע אין מאסקווער בילדונגס-קרייז, איז געווען אנגענומען אין דאזיקן אוניווערסיטעט.

זומער 1884 האב איך געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיטן רוסישן דארף. איך בין איינגעלאדן געווארן צו גאסט צו מיינעם א חבר מארגאלין, וואס האט זיך געלערנט אין טולע אין רעאל-שול און די עלטערן זיינע האבן געוואוינט אין יעפרעמאווער אויעזד. דאמאלסט איז נאך קיין מאנאפאל אויף בראנפן ניט געווען. איינער א גוטסבאזיצער פיסארעוו האט געהאט א גרויסן זאוואד פון ספירטס אין יעפרעמאוו, און די בראנפן פלעגט ער פארקויפן מארגאלינען. דער ייד ווידער האט געהאלטן פון זיך שענקען אין צענדליקער דערפער ארום און פלעגט זעצן אומעטום זיינע „צעלאוואלניקעס". די מארגאלינס זיינען געווען פשוטע סימפאטישע מענטשן, די עלטערן נאך פרום, די קינדער אינגאנצן רוסיפיצירט, און צווישן זיי בין איך געווען א למדן. איך האב פארבראכט ביי זיי א גאנצן חודש, זיך געלערנט קאסענען און רייטן און זיך נעענטער צוגעקוקט צום רוסישן פויער, וועלכן איך האב מערניט געקענט פון ביכער. ליב איז מיר געווען די פאמיליע, נאענט זייערע אינטערעסן. אבער אומאנגענעם איז מיר געווען צו זען, ווי דורך בראנפן ווערן די פויערים פארשיכורט און זייער האב און גוטס רואינירט. דאס איז אגב געווען דער זומער, ווען אין ניזשני-נאווגאראד אויף קונאווינע איז בעסטיאל געהרגעט געווארן דורך די פויערים א ייד ריימשעלמאן, אן אנגעשטעלטער פון א גרויסער פירמע. טרויעריקע געדאנקען זיינען מיר דאן געקומען אויפן זינען, ווען איך האב געזען די סתירות צווישן מיינע אידעאלן און דעם אמתן לעבן.

דערווייל האב איך מיינע רעוואלוציאנערע חברים פארלארן, דער גרעסטער טייל פון זיי איז שוין געווען ארעסטירט, און די פארבינדונגען זיינען געווען בלויז אומדירעקטע.

די למודים אין אוניווערסיטעט, וואס איז דאן געווען דער בעסטער אין רוסלאנד, האבן מיך זייער פארכאפט. דעם ערשטן יאר פלעג איך אפט באזוכן די לעקציעס אויפן יורידישן פאקולטעט (וואס איז דאן געווען פריי), געהערט טשופראוון אויף פאליטישע עקאנאמיע, טראיצקין — פילאזאפיע א. א. זייער אויסגענומען האט דאן מארעקס רעפעראט וועגן אנטיאוטיליטאריאניזם אויפן סעמינאר ביים פראפ. זווערעוו. דערנאך האבן מיר שוין צוגעצויגן די נאטורוויסנשאפטלעכע למודים — דער עיקר פון נאטורפילאזאפישן, דארוויניסטישן שטאנדפונקט.

אין יולי 1888 איז אין דער מאסקווער ראדיקאלער טעגלעכער צייטונג „רוסקי קוריער" ערשינען מיין ערשטע ליטערארישע ארבעט: דריי פעליעטאנען „יעדינסטווא מיראזדאניא" (די איינקייט אין דער וועלטבאשאפונג). שרייבן אין אזא צייטונג וויסנשאפטלעכע ארטיקלען איז דאמאלסט געווען א גרויסער כבוד. דער רעדאקטאר לאנין האט מיך אליין צוגענומען אין זיין רייכער ווילע אין באגאראדסק און מיר פארגעלייגט צו שרייבן וויסנשאפטלעכע פעליעטאנען. האנאראר האט ער געצאלט 3 קאפ. פאר א שורה. נאר אין א קורצער צייט נאכדעם איז אין דער זעלבער צייטונג ערשינען אן אנטיסעמיטישע קארעספאנדענץ פון נאוואטשערקאסק מיט אן אויסגעטראכטן ליגן. איך האב אנגעשריבן דאן א בריוו צום רעדאקטאר און אויפגעוויזן, אז די מעשה קען ניט זיין, בעת איך בין געקומען צו לאנינען נאך אן ענטפער, האט ער זיך פארענטפערט, אז... די קארעספאנדענץ האט ער אליין געשריבן. איך האב אים געזאגט, אז איך האב ניט געוואוסט, אז מען קען, זיצנדיק ביי זיך אין קאבינעט אין מאסקווע, שרייבן קארעספאנדענצן פון נאוואטשערקאסק, און שוין מער מיטן „קוריער" ניט געהאט צו טאן. אגב איז טאקע די צייטונג גיך נאכדעם געפאלן, בעת א פאר יאר נאכאנאנד איז זי כמעט געשטאנען אויף איין שטיפע מיט „רוסקייא וויעדאמאסטי".

אין אוניווערסיטעט האב איך געשריבן אייניקע ארטיקלען אין „רוסקאיא באגאטסטווא" אונטער דער רעדאקציע פון אבאלענסקי — „די רעגולאטארישע אייגנשאפטן פון מענטשלעכן ארגאניזם", א באריכט פון א פיראגאווישן צוזאמענפאר פון די רוסישע דאקטוירים א"א. זייענדיק באקאנט מיט די סטודענטן פון עטלעכע גימנאזיעס, בין איך געווארן אויסגעקליבן אין קאמיטעט פון דער אלגעמיינער „סטודענטישער קיך", וואס האט געשפילט א גרויסע ראלע אויך אין פאליטישן לעבן פון דער מאסקווער סטודענטנשאפט און געשמט אין מאסקווע ווי א „נעסט פון קראמאלע". נאך די „סטודענטישע אומרוען" איז זי פארמאכט געווארן לויט דער מסירה פון דאמאלסטיקן אינספעקטאר בריזגאלאוו. דער לעצטער האט טאקע דערנאך באקומען א פאטש אויפן סטודענטישן קאנצערט דורכן סטודענט סיניאווסקי (פארשיקט אויף קאווקאז און אפגעגעבן אין סאלדאטן). דאס האט ארויסגערופן „סטודענטישע אומרוען", און דער אוניווערסיטעט

איז אויף א געוויסער צייט געווארן פארמאכט.

די מאסקווער סטודענטשאפט — ווי בכלל אין גאנץ רוסלאנד — איז געווען זייער ראדיקאל און רעוואלוציאנער. א גרויסע מאראלישע און אינטעלעקטועלע שטיצע האט זי געהאט פון דער ליבעראל-ראדיקאלער רוסישער פובליציסטיק און ליטעראטור. די „דיקע זשורנאלן", ווי די אלטע — „סאווערמעניק" און „רוסקאיע סלאוואָ" — און די נייע — „דיעלא", „אטעטשעסטווענייע זאפיסקי", „רוסקאיע באגאטסטוואָ" א. א. זיינען געווען די גייסטיקע לעגאלע מקורים, פון וואנען די רוסישע יוגנט האט געשעפט איר אינטעלעקטועלע און פאליטישע אויסבילדונג. הגם וועלכע ניט איז סטודענטישע פאראיינען און ארגאניזאציעס זיינען געווען שטרענג פארבאטן און פארפאלגט, האבן אזוינע עקסיסטירט הונדערטער. דער עיקר „זעמליאטשעסטוועס" (לאנדסמאנשאפטן). איך פלעג נעמען אן אנטייל אין פארשיידענע אזוינע געהיימע קרייזלעך, מיט וועלכע איך האב געהאט פארבינדונגען, נאך זייענדיק אין גימנאזיע. דער עיקר זיינען דאס געווען „קרייזלעך פון זעלבסט-בילדונג", און אויך „וועטשערינקעס", אויף וועלכע מען פלעגט אמאל אויך טרעפן יונגע ראדיקאלע ליטעראטן און סטאטיסטיקער, א שטייגער וו. גאלצעוו, וו. פרוגאווין (באקאנטער פארשער פון די רוסישע רעליגיעזע סעקטעס), זיין ברודער דער סטאטיסטיקער. נ. רוסאנאוו (שפעטער באקאנטער רעוואלוציאנער) א. א.

צווישן די יידישע סטודענטן האבן זיך דאמאלסט אנגעהייבן צו פארשפרייטן קרייזלעך פון חובבי-ציון, אין וועלכע ס'האבן געשפילט א גרויסע ראלע מאזע (שפעטערדיקער מאסקווער ראבינער), יעפים טשלענאוו (א גלענצנדער דיאלעקטיקער, שפעטערדיקער באוואוסטער ציוניסטישער פירער), אידעלסאן, פסח מארעק א. א. איך דערמאן זיך אן אוונט חנוכה (בערך אין 1885) אין א יידישער גארקיך אין זאריאדיע. אלע צימערן זיינען געווען פול געפאקט פון יוגנט. טשלענאוו האט געהאלטן אין לייענען א רעפעראט וועגן די מכבים. אינמיטן איז אריין פאליציע. ס'איז געווארן א טומל און געלאף, דער עולם האט אנגעהויבן צו לויפן אין אלע טירן. טשלענאוו איז אבער געבליבן זיצן רואיק ביים טיש, די פאפירן באהאלטן אונטערן טישטוך און האט כלומרשט געגעסן זיינע לאטקעס.

ס'איז ביי אונז אויך געווען א קאסע פון דער פעטערבורגער „מפיצי השכלה" (פריער האט זי זיך גערופן „חברה מרבי השכלה בעם"), וואס פלעגט ארויסגעבן די יידישע סטודענטן פון די הויכשולן סובסידיעס בתורת הלוואות, וועלכע — צום שאנד פאר די שפעטער געענדיקטע אדוואקאטן, דאקטוירים און אינזשענערן — כמעט קיינער האט דערנאך ניט באצאלט. די קאסע איז געווען א האלבלעגאלע. בראש איז געשטאנען דער אדוואקאט וולאדימיר אסיפאוויטש הארקאווי. אבער די פאקטישע באלעבאטים זיינען געווען סטודענטן. איין מאל אין יאר פלעגט פארקומען א באל, וועלכער פלעגט איינטראגן שיינע עטלעכע טויזנט רובל. בכלל פלעגן די יידישע סטודענטן זיך ניט קענען באקלאגן אויף אינדיפערענטיזם מצד דער געזעלשאפט. פיל פלעגן קריגן שטיצע אויך פון דער אלגעמיינער סטודענטישער הילפס-קאסע, און אויך סטיפענדיעס פון אוניווערסיטעט.

אין מיינע סטודענטישע יארן (די בעסטע צייט אין מיין לעבן) בין איך געשטאנען נאענט צו פארשיידענע קרייזלעך — רוסישע און יידישע — און גענומען דאס בעסטע, וואס די גייסטיקע מאסקווע האט דאן געקענט געבן. אין איינעם פון די „טאטיאנאטעג", דעם 12 יאנואר 1889 (דעם טאג פלעגט גאנץ מאסקווע פייערן די גרינדונג פון מאסקווער אוניווערסיטעט), בעת ס'איז ערשינען אין „רוסקייא וויעדאמאסטי" דער בארימטער ארטיקל פון לעוו טאלסטאי („פראזדניק פראסוועשטשעניא", איבערגעדרוקט אין טאלסטאיס ווערק באנד XVIII, מאסקווער אויסגאבע 1913) קעגן דעם, וואס מען שיכורט אין דעם דאזיקן יום-טוב, איז געווען אין דעם רייכסטן מאסקווער רעסטאראן „ערמיטאזש" באזונדערס פריילעך. הונדערטער סטודענטן, געענדיקטע אקאדעמיקער, פראפעסארן האבן זיך געבריוערט: מען האט געטרונקען, געשטאנען אויף די טישן און געהייבן דעם גוטן (נאך בריזגאלאוון) אינספעקטאר ד"ר דאבראוו. וועגן צאלן געלט פאר די משקאות האט קיינער פון די סטודענטן גארניט געקלערט. די אפיציאנטן זיינען געווען צופרידן, ווען מען האט כאטש ניט געבראכן קיין שפיגלען. אין דעם אוונט — געדענק איך — בין איך געשטאנען אויף איינעם פון די טישן, ארומגערינגלט מיט רוסן, ארמיאנער און צו איינעם פון אלע פון די צאלרייכע נאציאנאליסטן, וואס זיינען געווען רעפרעזענטירט אין מאסקווער אוניווערסיטעט, און אזוי ארום פארגעשטעלט א פארברידערונג פון אלע נאציאנאליסטן, וואס באוואוינען רוסלאנד. צווישן טומל און געשרייען אין זאל האב איך דאן פארגעלייגט צו שיקן א דעפעשע צו לעוו טאלסטאי, מיט א באגריסונג און באדויערן, וואס צוליב אומאפהענגיקע סיבות קענען מיר ניט פייערן דעם 12 יאנואר אן בראנפן. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארן מיט הילכיקע אפלאדיסמענטן. צי די דעפעשע איז טאקע אפגעשיקט געווארן, בין איך אין ספק.

פון די יידישע סטודענטן בין איך אין די לעצטע יארן אמנאענסטן געווען באפריינדעט מיט לעאנטי בראמסאן, וואס איז פון קאוונע אנגעקומען אין אוניווערסיטעט מיט 2 יאר שפעטער פאר מיר צוזאמען מיט זיין חבר פון גימנאזיע משה יאפע (מיינער א שוועסטערקינד, דעם ראסיינערס רבס א זון), און פון מיין קורס — מיט מיכאיל פעוזנער. קיין אנטיסעמיטיזם איז ביי אונז כמעט ניט געווען. אין די גרופעס אויף מתים פלעגן מיר ארבעטן צוזאמען מיט די קריסטן — געוויינלעך לויט די לאנדסמאנשאפטן. קיין פראגע וועגן „יידישע מתים" איז אוודאי ניט געווען. אמאל האב איך געארבעט צוזאמען מיט די טולער חברים (צווישן זיי — 2 זייער סימפאטישע טאלסטאיאוצעס — בוטקעוויטש און דאכנאוו), אמאל — מיט די מאסקווער. איך פלעג זיך אפט טרעפן מיט קישקינען (שפעטער איינער פון די פירער פון די קאדעטן), איגומענאוו (דערנאך באקאנטער זעמסקער טוער), גאלאווין (ערשט באקאנטער פראפעסאר פון אויגנקראנקייטן), מוראטאוו (פראפעסאר פון נייראלאגיע), מעלניקאוו-ראזעדיאנקאוו (פראפעסאר פון פאטאלאגישע אנאטאמיע) א. א.

קיין נויט האב איך אין מאסקווע קיינמאל ניט געליטן. פאר חיונה ניט געדארפט זארגן: איך האב געוואוינט צוזאמען מיט מיינע עלטערן אויף א פאבריק עק שטאט. דא האב איך — נאך זייענדיק אין גימנאזיע — געלערנט מיט די ארבעטער „גראמאטע" — וואס איז דאמאלסט — פון פאליציייאישן שטאנדפונקט — געווען זייער טריף. דאס לעבן ביי די עלטערן האט מיר אבער צוגעגעבן מער כשרות אין די אויגן פון דעם אוניווערסיטעטישן אינספעקטאר. בעת מען האט אלעמען ארעסטירט אין דער סטודענטישער קיך און איך בין געווען איינער פון די דעזשורנעס, האט מען מיך גלייך אפגעלאזן, ווייל איך האב זיך פארענטפערט מיט דעם, וואס איך עס אפילו ניט אין קיך און ארבעט דא מערניט ווי אין א פילאנטראפישער אינסטיטוציע.

אין מאי 1889 האב איך געענדיקט דעם אוניווערסיטעט מיטן טיטל „לעקאר" (ארצט) און באשלאסן א פאר יאר צו בלייבן אין מאסקווע ארבעטן אין א שפיטאל, זיך גרייטן צום דאקטאר-עקזאמען און שרייבן א דיסערטאציע. דערביי האב איך געקענט אויך א ביסל פארדינען פון פריוואטער פראקטיקע, וואוינענדיק אין א נומער אויף ווארווארקא, לעבן זאריאדיע, וואו ס'האבן געוואוינט דאס רוב יידן. לויט די אפיציעלע

ידיעות האָבן זיך אין מאָסקווע דאַן געפונען ניט מער ווי 2 פּראָצ. ייִדן. ניט לעגאַל אָבער האָבן מסתמא געוואוינט מערער. פון דעם איז טאַקע די פּאָליציי נתעשר געוואָרן. חוצעם האָבן ניט ווייניק געהאַט אין קעשענע טויפשיינען. דאָס האָט דאַמאָלסט ניט געהייסן געשמדט. וואָרעם וועמען גייט עס אָן, וואָס פאַר א פּאַפּירן א ייִד האָטער, גייט ימים-נוראים אין שול דאַווענען און צאָלט אין די ייִדישע חברות.

אַלנפאַלס דער איינדרוק האָט זיך באַקומען, אַז מאָסקווע איז פול מיט ייִדן. וואָרעם איינעם און דעמזעלבן ייִדן פלעגט מען טרעפן אין מיטן וואָך 10 מאָל אין טאָג אויף פאַרשיידענע גאַסן, בעת דער גרעסטער טייל רוסן זיינען געווען אַרבעטער אין די פאַבריקן און זיך באַוויזן אין שטאָט מערניט זונטאָג. אויף די פאַבריקן פלעגט מען אַגב דאַמאָלסט אַרבעטן פון 5 פרי ביז 8 אינאָוונט.

ס'פאַרשטייט זיך, ניט דערפון האָט זיך געשאַפן דער רעגירונגס-אַנטיסעמיטיזם. אָבער די קאָנקורענץ פון די ייִדן האָט געוויס אויך געשפּילט א ראָלע, וואָס אין דער עותרישער וועלט און אויך ביים קליינבירגערטום (מיעשטשאַנסטוואָ) האָט דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם ניט געפונען קיין ווידערשטאַנד. פּסח 1891 איז אַרויס דער אַלערהעכסטער באַפעל פון אַלעקסאַנדער דעם 3-טן (אונטערשטיצט דער עיקר דורכן גענעראַל-גובערנאַטאָר, דעם קיסרס ברודער סערגיי), אַז אַלע ייִדן, חוץ ערשטע גילדעס, דיפּלאָמירטע פון הויכשולן און נאָך אייניקע אַנדערע, ד. ה. די וואָס וואוינען אויפן סמך פון צירקולאַר 1880, זאָלן אין דעם קירצסטן טערמין פאַרלאָזן מאָסקווע און מאָסקווער גובערניע. די רוסישע געזעלשאַפט — מיט אייניקע אויסנאַמען — איז געבליבן דערצו גלייכגילטיק. אַפילו די ליבעראַלסטע „פּראָפעסאָרישע" צייטונג אין רוסלאַנד, די מאָסקווער „רוסקייא וויעדאָמאָסטי", אין וועלכער ס'פלעגן נעמען אָנטייל דער גלאַנץ פון דער רוסישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט (לעוו טאָלסטאָי, טשעדרין-סאַלטיקאָוו, גליעב אוספּענסקי, וולאַדימיר קאָראָלענקאָ א. א. און אויך די בעסטע פּראָפעסאָרן) האָט אָנגענומען וואַסער אין מויל און האָט מיט קיין וואָרט ניט פּראָטעסטירט קעגן דער געוואַלדטאַט בנוגע די מאָסקווער ייִדן. ביי דער צייטונג פלעגט בכלל טרעפן, אַז דאָס איינציקע, וואָס זי פלעגט טאָן, בעת זי האָט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט שרייבן, איז געווען: דרוקן אין דער צייט פון וויכטיקע אינעווייניקסטע פּאָליטישע געשעענישן לייטאַרטיקלען וועגן דער פּאָליטיק פון אויסלאַנד. איך דערמאָן זיך, א שטייגער, אַז אין די טעג פון דער קאָראָנאַציע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן (1883), בעת אויף „כאָדינקע" זיינען געהרגעט געוואָרן הונדערטער מענטשן, איז דער לייטאַרטיקל געווען עפּעס וועגן איינעם פון די לענדער אין אַזיע.

די איינציקע פאַרשטעלטע באַפרידיקונג, וואָס „רוסקייא וועדאָמאָסטי" האָבן די ייִדן געגעבן אין די שווערע חדשים פון דעם מאָסקווער גירוש פון 1891, איז געווען די באַרימטע מיסטישע דערציילונג פון דעם האַרציקן וולאַדימיר קאָראָלענקאָ „יום-כּפּור" („כאַפּון"), וואָס האָט זיך גראָד דאַמאָלסט געדרוקט אין דער דאָזיקער צייטונג אין עטלעכע פעליעטאָנען.

דער דערמאָנטער באַפעל האָט געגעבן א קלאַפּ דעם גאַנצן רוסישן ייִדנטום און האָט געהאַט זייער גרויסע פאָלגן נאָך זיך. טויזנטער פאַמיליעס האָבן זיך א לאָז געטאָן אין פּוילן. ס'האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די עמיגראַציע אין אַמעריקע.

אין דער זעלבער צייט אָבער האָט דער מאָסקווער גירוש — ווי אַלע גרויסע פּאָגראָמען — ווייע שטאַרק אויפגעוועקט דעם נאַציאָנאַלן געפיל ביי די רוסישע ייִדן. אַפילו ביי אַזוינע, וואָס זיינען געווען אַסימילירט און זייער ווייט געשטאַנען פון ייִדישקייט. איך האָב געקענט צוויי משומדים דאָקטוירים אין יאַוזאַ-שפּיטאָל, וואָס האָבן זיך פאַר מיר פּשוט געשעמט צו ווייזן די אויגן און האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז זיי זיינען... מיר מקנא.

גלייכצייטיק איז דאַן אַרויס דער פּראָיעקט פון באַראָן הירש צו קאָלאָניזירן די רוסישע ייִדן אין אַרגענטינע. אַרום דעם דאָזיקן פּלאַן האָט זיך אָנגעהויבן א גאַנצע אידעאישע באַוועגונג. וועגן באַראָן הירש האָט מען אָנגעהויבן צו ריידן מיט באַגייסטערונג. זיינע פאָטאָגראַפיעס זיינען געוואָרן פאַרשפּרייט צווישן די ייִדן פון גאַנץ רוסלאַנד. נאָך עד היום קען מען זען אין די אָרעמע ייִדישע פאַמיליעס הענגען א בילד פון 3 משהס: משה מענדעלסאָן, משה מאָנטעפיאָרע און משה הירש. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אַזש אין אַזעלכע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, ווי א שטייגער קאָזמאָדעמיאַנסק, קאַזאַנער גובערניע. צווישן דעם הייפעלע רוסיפיצירטע ייִדן, וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט, האָבן זיך דאָרט געפונען אויך א ייִדישער נאָטאַריוס און א ייִדישע אַקושערין-פעלדשערין (צום באַדויערן געדענק איך ניט זייערע פאַמיליעס). אונטער דער ווירקונג פון דער ידיעה פון מאָסקווער גירוש און באַראָן הירשס אידעע האָבן זיי גלייך פאַרקויפט זייער האָב און גוטס און באַשלאָסן מיט זייערע פאַמיליעס אַריבערצוּוואַנדערן קיין אַרגענטינע. די פעלדשערין איז געקומען צו מיר אין מאָסקווע, זיך דערוויסנדיק, אַז איך אינטערעסיר זיך מיט דער עמיגראַציע.

פון איין זייט האָט זיך אין מאָסקווע געגרינדעט א קאָמיטעט (אַדוואָקאַט פוקס, ד"ר ס. ווערמעל א. א.), וואָס האָט געדאַרפט העלפן (דער עיקר יורידיש) די, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן, און פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר — א קליינע גרופּע יונגעלייט — געוואָלט „רעגולירן די עמיגראַציע". חוץ מיר זיינען אין דער דאָזיקער גרופּע געווען לעאָנטי בראַמסאָן, די ברידער יוליאוס און בער ברוצקוס א. א. אונזער חבר באָריס קאַצענעלענבאָגען (שפּעטער דער באַקאַנטער דזשוינט-טוער ד"ר באָגען). א שילער פון לעצטן קלאַס סטראָגאַנאָוו-שול, איז אויך געווען צווישן די, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן מאָסקווע. ער איז טאַקע גלייך נאָך פּסח מיט זיין יונגער פרוי אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

דאָס האָט אונז באַוואויגן פריער פון אַלץ זיך פאַראינטערעסירן מיט דער ביזאיצטיקער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. מיר האָבן זיך דורכגעשריבן וועגן דעם מיטן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט פון „וואָסכאָד", פּרייס, און ער איז טאַקע דעם זומער אַליין געקומען צו אונז אין מאָסקווע. אָבער פון אונזערע אונטערהאַנדלונגען האָט זיך סוף-כּל-סוף גאָרניט אויסגעלאָזן.

דערנאָך האָבן מיר פונאַנדערגעשיקט א ריי בריוו — אין אַרגענטינע צו פאַרשיידענע פּערזאָנען, וואָס זייערע אַדרעסן האָבן מיר נאָר געקענט געפינען, מיט גאַנצע אַנקעטעס און פראַגן, וואָס זיינען שייך דער מעגלעכקייט פאַר די ייִדן צו עמיגרירן. מיר האָבן באַקומען עטלעכע תשובות. צווישן זיי א נומער צייטונג „על אַמיגאָ דעל פּועבלאָ" אין שפּאַניש, וואו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט מיין בריוו מיט א געוויסן ענטפער, ביי וועלכע באַדינגונגען די ייִדן קענען קומען אין אַרגענטינע.

איך פּערזענלעך האָב זיך געקליבן צו עמיגרירן קיין צפון-אַמעריקע אָדער אין אַרגענטינע. אָבער די יונגעלייט, וואָס האָבן צוזאַמען מיט מיר געחלומט צו בילדן אין אַמעריקע א מין לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצה, זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן. און פון פּאַריז, פון דירעקטאָר פון יק"א זאָנענפעלד, האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס דאַרף מען דערווייל קיין דאָקטאָר ניט האָבן. איך האָב נעמלעך — אויפן סמך פון אַן אַנאָנס פון יק"א, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „בערלינער קלינישער וואָכנשריפט", אַז מען ברויכט אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס א „ייִדישן דאָקטאָר, וואָס קען זשאַרגאָן, האָט א ייִדישע האַרץ און קען צושטעלן די געהעריקע רעקאָמענדאַ-

ציעס פון באַקאַנטע פּערזאָנען" — פאַרגעליגט מיין דינסט.

אַזוי אַרום איז פון מיין עמיגראַציע-שטימונג גאָרניט געוואָרן. אין רוסלאַנד איז דערווײַלע זומער 1891 אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער הונגער, וואָס די אָפּיציעלע צײַטונגען האָבן אָנגערופן „ניט גערעטעניש". צענדליקער טויזנטער פּויערים אין די וואָלגער גובערניעס פלעגן געשוואָלן ווערן פון הונגער, בעת אויף די דרום-באַנען פלעגן בלײַבן שטעקן און פוילן הונדערטער וואַגאָנעס מיט תבואה (ווײַל די ליניעס זײַנען געווען פאַרשטאָפּט) און מען האָט זיי ניט געקענט אַריבערפירן אין די הונגער-געגנטן. אויך דער אויסלענדישער אַרויספיר פון תבואה האָט זיך — ניט קוקנדיק אויפן הונגער — לגמרי ניט אָפּגעשטעלט.

די רוסישע געזעלשאַפט האָט זיך דאַן ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך אַ לאָז געטאָן אין דאָרף מיט הילף. ס'האָבן זיך געעפנט טויזנטער קיכן אין די דערפער אויף צו דערנערן די הונגעריקע באַפעלקערונג, דער עיקר קינדער. ס'האָבן זיך געבילדעט הונדערטער געזעלשאַפטן און קרײַזלעך אויף צו זאַמלען געלט. אויך אויסלאַנד איז געקומען צו הילף. אַמעריקע האָט געשיקט גאַנצע שיפן קוקורוזע און ווייץ. אפילו בריטנלאַנד (די קעניגין איז געווען אַ רוסישע פּרינצעסין) איז ניט אָפּגעשטאַנען פון שיקן געלט פאַר די הונגעריקע.

די רוסישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ און די אַקאַדעמישע יוגנט האָט אין הונגער געפונען אַ נײַע מעגלעכקייט צו פאַרווענדן איר ענערגיע און איז מיט התלהבות געגאַנגען „דינען דעם פאָלק". רוסישע שרײַבער מיט לעוו טאָלסטאָי בראָש, זעמסטוואָס, דאָקטוירים, גוטסבאַזיצער, רעדאַקציעס פון צײַטונגען א. א. — אַלע האָבן געעפנט קיכן און באַזונדערס געקליבן נדבות. מיט דעם הונגער זײַנען אויסגעבראָכן אויך עפּידעמיעס, און דער נאָכפרעג אויף יונגע דאָקטוירים איז געווען גענוג גרויס. איך האָב זיך געווענדעט מיט מײַן אָנבאָט צו אײנער פון די מאָסקווער פירמעס, וואָס האָט אויך געזוכט דאָקטוירים. אָבער מײַן דיפּלאָם איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און מען האָט מיר געמאָלדן, אַז... דערווײַל דאַרף מען שוין ניט. דאָס איז שוין געווען אַ פּועל-יוצא פון דעם מאָסקווער סוחרישן אַנטיסעמיטיזם. אין דעמזעלבן זומער האָט דער ניזשני-נאָווגאָראָדער גובערנאַטאָר באַראַנאָוו אַרויסגעגעבן אַ מין נעקראָלאָג אויפן טויט פון דעם יידישן דאָקטאָר אידעלסאָן, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון זײַן פּראָפעסיע (געשטאָרבן פון פלעקטיפוס), „ניט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַ ייד". אין רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן „הונגער-אומרוען".

אין אַ יאָר אַרום, אין 1892, האָט גאַנץ רוסלאַנד אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקע עפּידעמיע פון כאָלערע. ווי געוויינלעך, האָט זי זיך אָנגעהויבן פון אַסטראַכאַן — וואו זי איז פאַרטראָגן געוואָרן מיט די שיפן — און זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין דער ריכטונג פון דער וואָלגע. על פּי צופאַל האָט זיך דאַן געווענדעט צו מיר אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע אַלגאַ נאָוויקאָווא מיטן פאָרשלאָג צו פאָרן צו איר זון אין גוט, דעם זעמסקי נאַטשאַלניק, אַלעקסאַנדער נאָוויקאָוו, אין טאַמבאָווער גובערניע, קאָזלאָווער אויעזד, אויפן קאַמף מיט דער כאָלערע. די באַדינגונגען זײַנען געווען זייער גוטע — 150 רובל אַ חודש און פרײַע באַפלעגונג — און איך האָב דעם פאָרשלאָג זייער גערן אָנגענומען. דערבײַ האָב איך אַליין אָנגעוויזן, אַז איך בין אַ ייד, און אָפן געפרעגט, צי איז דאָס ניט קיין שטער, בפרט נאָך אַז איר זון איז אַ זעמסקי נאַטשאַלניק. דאָס איז געווען אַן אמת, וואָס אין די רעאַקציע-צײַטן פון אַלעקסאַנדער דעם 3-טן איז ער געווען אײַנגעפירט אין די אויעזדן אַנשטאָט די ליבעראַלע פרידנס-ריכטער. פרוי נאָוויקאָווא האָט מיר דאַן אָפּגעשיקט צו אירן אַ בעל-יועץ, אַ מאָסקווער דאָקטאָר שטורם, וועלכער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אַלעקסאַנדער נאָוויקאָוו איז זייער אַ ליבעראַלער מענטש. פון זיכערקייט וועגן האָט ער אים נאָך טעלעגראַפירט וועגן מײַנע ספקות און גלײַך באַקומען זייער אַ באַפרידיקנדן ענטפער. דערנאָך האָב איך שוין קאָנסטרואירט מײַן „אַטריאַד" אַזוי, אַז מיר האָבן אײַנגעלאַדן נאָך אַ דאָקטאָר, מײַן שוועסטערקינד יאַפּין, 2 סטודענטן, פון וועלכע אײנער איז געווען אַ ייד (פּיילעס) און דער אַנדערער אַ ליטווינער (יאַנושייטיס), 2 פעלדשאַרעס — אײנעם אַ פּאָליאַק, אַ ווילנער (קאָסימש) און אײנעם אַ רוס און 2 סאַניטאַרן — אָרטיקע פּויערים.

איך האָב פאַרבראַכט אין דער פאַמיליע נאָוויקאָוו 2½ חדשים און זיך זייער מיט איר באַפרײַנדעט. די מוטער אַלגאַ נאָוויקאָווא האָט שטענדיק געוואוינט אין לאָנדאָן, געווען זייער נאָענט מיט גלאַדסטאָנען און האָט אַ לאַנגע צײַט געשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע אַלס אַ מין אַגענט פון דער רוסישער רעגירונג. איר פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען קוראַטאָר אין פּעטערבורג, דעם מאַנס ברודער — באָטשאַפטער אין ווין, און איר ברודער גענעראַל קירייעוו איז געווען אַדיוטאַנט בײַם גרויספירשט קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש און געוואוינט אין פּאַוולאָווסק. איר אײנציקער זון, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, איז געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. ער האָט געענדיקט מאָסקווער אוניווערסיטעט, חתונה געהאַט אויף אַ רײַכער סוחרישער טאָכטער שאַבליקין, זיך מיט איר געגט און געווען דערפאַר אונטערגעוואָרפן אונטער אַ מין חרם פון דער רוסישער קירך. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ בעל-תשובה, אײַנגענומען די שטעלע פון אַ זעמסקי נאַטשאַלניק אין אויעזד, וואו ער האָט געהאַט אַ גוט (2.000 דעסיאַטין) און אויסגעבויט דאָרטן אַ צערקאָוו און אַ שול. שפּעטער האָט ער ניט לעגאַל חתונה געהאַט מיט אַן אָרעמער דאָרפס-מיידל, וואָס האָט ניט געקענט ניט לייענען, ניט שרײַבן, און זיך פאַרנומען מיט העלפן זײַנע פּויערים אין קאַמף מיטן הונגער און דערנאָך קעגן דער כאָלערע. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט נאָוויקאָוו שטאַרק קריטיקירט זײַן אַרבעט אַלס זעמסקי נאַטשאַלניק אין זײַן אינטערעסאַנטן בוך „זאַפּיסקי זעמסקאָוואָ נאַטשאַלניקאַ". ער האָט פאַרלאָזן זײַן גוט, אַריבערגעפאָרן אויף קאַווקאַז אויף אַן אַנדער מלוכה-שטעלע און געוואָרן אויסגעקליבן אַלס פּרעזידענט פון שטאָט באַקו (באַשריבן אין זײַן בוך „זאַפּיסקי גאָראָדסקאָוואָ גאָלאָווי"). אַלץ ווײַטער איז נאָוויקאָוו געוואָרן מער ראַדיקאַל, אַריבערגעפאָרן אין פּעטערבורג און געשריבן אין דער ס.-ר.-צײַטונג „סין אָטעטשעסטוואַ". אין 1904 איז ער געקומען צו מיר מיט זײַן פרוי אין ווילנע צו נעמען אַן אַנטייל אין אַ פּאָליטישן באַנקעט: אַזוינע באַנקעטן זײַנען דאַמאָלסט געווען אין גאַנג ווי אַן אויסדרוק פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג אין לאַנד. נאָוויקאָוו איז דאַן געווען זייער רויט און האָט פאָרויסגעזאָגט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זײַן פרוי איז שוין געוואָרן אַ געבילדעטע דאַמע, האָט געקענט ניט נאָר די רוסישע ליטעראַטור, נייערט גערעדט אויך פרײַ פראַנצויזיש. זיי האָבן געהאַט 2 קינדער. אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן.

מיט אַלגאַ נאָוויקאָווא און מיטן גענעראַל קירייעוו האָב איך זיך שפּעטער נאָך אײניקע מאָל געזען בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מיט איר זון איז זי געווען פון ווײַטן און האָט אין לאָנדאָן געטריבן אַ רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט און איר וועגן דעם געשריבן, האָט זי מיר אַלס פאַרענטפערונג צוגעשיקט אירן אַן אַרטיקל אין „טײַמס", אין וועלכן זי באַשרײַבט מײַן „מסירת-נפשדיקע אַרבעט אויף דער כאָלערע, הגם איך בין אַ ייד". איך געדענק עפּעס אויך אירע אַן ענגלישע בראָשור „משה אָדער קריסטוס?". ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם האָבן זיך אונדזערע באַציאונגען איבערגעריסן. אויף איר שפּעטערדיקער אײַנלאַדונג צו פאָרן מיט איר אויף דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה האָב איך זיך אָפּגעזאָגט.

פרילינג 1904 האב איך געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט אן אנדער רוסישער פאמיליע, מיט אלעקסיי איוואנאוויטש **סורגוניעוו**, א פלימעניק פון בארימטן רוסישן שרייבער, וואס האט געוואינט אין א גוט אין טולער גובערניע, טשערנענסקי אויעזד. ער איז קראנק געווארן אויף פלעקטיפוס. און זיין מומע, א פראפעסארס פרוי סאקאלאווא, האט מיך געבעטן צו פארן צו אים אויף דער גאנצער צייט פון זיין קראנקייט. רעקאמענדירט האט מיך פראפעסאר **פאכס**. ביי וועמען איך האב געארבעט אויף מיין דיסערטאציע. איך האב פארבראכט אין גוט 2 וואכן. דער קראנקער איז געזונט געווארן, און ער און זיין פרוי (געבארן **באקונין**) פלעגן ביי יעדער געלעגנהייט מיר אויסדריקן זייער איבערגעבנקייט.

אויף די פארדינטע געלט ביי סורגעניעוו (1,000 רובל) האב איך שוין געהאט די מעגלעכקייט צו פארן אין ווין זיך פארפולקומען. אגב האב איך דארטן געענדיקט שרייבן מיין דיסערטאציע, אויסנוצנדיק די לאבאראטאריעס און ביבליאטעקן. איך האב פארבראכט אין ווין מיט גרויס נוצן אכט חדשים, זיך אומגעקערט אין מאסקווע און זיך פארנומען מיטן דרוקן מיין דיסערטאציע (העכער 9 בויגן). בלייבן ווייטער אין מאסקווע האט זיך מיר נים געוואלט, מיך האט געצויגן אין ווילנע. נאר דא האב איך געמאכט איינע פון די פעלערן אין מיין לעבן. ס'איז דאן געווארן וואקאנט די שטעלע פון שטף-דאקטאר אין ווילנער יידישן שפיטאל (נאך דער דעמיסיע פון ד"ר סאמעלסאן), און איך האב זיך געלאזט איינריידן פון מיינע קרובים אויסצונוצן מיין באקאנטשאפט מיט גענעראל קירייעוו אויף צו באקומען די דאזיקע שטעלע. דער יידישער שפיטאל, ווי די צוויי אנדערע קריסטלעכע שפיטאלן, האבן זיך דאן געפונען אין רשות פון דעם „פריקאז אבשטשעסטווענאווא פריזרעניא", און הגם ער האט זיך אויסגעהאלטן אויסשליסלעך אויף יידישע געלט (פון דעם „קאראבקאטשני סבאר", ד. ה. פון כשרע פליישן), האבן זיך די שטעלעס פון די דאקטוירים גערעכנט פאר מלוכהשע, און די באשטימונג אויף די דאזיקע פאסטנס האט געהערט צו דער גובערניאלער מאכט.

מיט רעקאמענדיר-בריוו צום גענעראל-גובערנאטאר **ארושעווסקי** (א רשע און שונא-ישראל) צום אינספעקטאר **יערמייעוו** (א כאבארניק ווי דאס רוב רוסישע משינאווניקעס) בין איך אלזא געקומען אין ווילנע. מיין העזה האט אבער — ס'פארשטייט זיך — ארויסגערופן א קעגנערשאפט מצד די עלטערע ארדינאטארן פון יידישן שפיטאל, וועלכע האבן מיט א גרעסערער רעכט איידער איך פרעטענדירט אויף דער דאזיקער שטעלע. דער סוף איז געווען, אז נים איך בין געווארן שטף-דאקטאר, נים דער ארדינאטאר ד"ר **זאלקינד**, וועלכער האט צום מערסטן געהאט שאנסן צו באקומען די שטעלע, נאר א דריטער, א דייטש **פפייפער**, וואס איז געווען פריער קרייז-דאקטאר אין לידע. איך בין געווארן באשטימט אלס אויסערשטאט-דאקטאר אן שכירות אפריער אין סאוויטש-שפיטאל און דערנאך אין יידישן. די זאך האט מיך נים פארדראסן, ווייל איך האב אונטערקענט, אז איך בין געווען אומגערעכט בנוגע די קאלעגן.

אין א פאר חדשים ארום נאך מיין קומען אין ווילנע (1904) בין איך ארבעטנדיק אין סאוויטש-שפיטאל קראנק געווארן אויף פלעקטיפוס און גלייך נאכן געזונטווערן אין הארבסט קאמאנדירט געווארן אין נייסווענציאן און סווענציאן, וואו ס'האט אויסגעבראכן אן עפידעמיע פון כאלערע. דאס איז געווען דער אנהויב פון מיין מעדיצינישער און געזעלשאפטלעכער ארבעט אין ווילנע און ווילנער קאנט. עלטערע מענטשן פון סווענציאן דערמאנען נאך עד-היום צום גוטן מיין דארטיקע ארבעט אלס כאלערע-דאקטאר.

נים געקוקט אויף דעם ערשטן קאנפליקט מיט די ווילנער דאקטוירים צוליב מיינע פרעטענזיעס אויף דער שטעלע פון הויפט-דאקטאר אין שפיטאל, האבן זיך ביי מיר באלד איינגעשטעלט זייער גוטע באציאונגען מיט אלע קאלעגן. פארקערט, די עלטערע דאקטוירים (סטעמבא, קאהאן), פלעגן מיך אפט רופן אויף קאנסיליומס און „צושארן פראקטיקע". דער וויסנשאפטלעכער ניוואָ פון די יידישע דאקטוירים איז בכלל שוין דאן אין ווילנע געשטאנען גאנץ הויך, דער רוב פון זיי האט זיך פארפולקומט אין אויסלאנד, און אזוי ארום איז זיי געלונגען צו פארנעמען א כבודיקן ארט אין דער ווילנער מעדיצינישער וועלט. אין דער ווילנער מעדיצינישער געזעלשאפט (די עלטסטע אין רוסלאנד) איז דער גרעסטער טייל רעפעראטן געהאלטן געווארן דורך יידן. און אויך די פריוואטע פראקטיק איז ביסלעכווייז איבערגעגאנגען צו די יידישע דאקטוירים. בעת פריער פלעגט די יידישע באפעלקערונג דער עיקר זיך קורירן ביי קריסטלעכע דאקטוירים (אין וועלכע זיי האבן נאך אלץ גוזען דעם „פאן"), האט זי איצט זיך מערסטנטיילס געקורירט ביי יידן-דאקטוירים. אויך די קריסטלעכע באפעלקערונג — פאליאקן און דער עיקר רוסן (מיליטער, באאמטע) — האבן זיך מיט גרויס צוטרוי באצויגן צו די יידישע דאקטוירים.

די גרעסטע פראקטיקע האט דאמאלסט געהאט דער זייער באקאנטער דאקטאר **סטעמבא** (ער האט קורירט ביים פאפעטשיטעל סערגיעווסקי, ביים ארכיערײ א. א.); אויך ד"ר זוויגאדסקי, ד"ר קאהאן, ד"ר קאן, ד"ר גערשון א. א. האבן געהאט גרויסע קריסטלעכע פראקטיקע. אין די יארן פאר דער מלחמה איז מיר אויך אויסגעקומען צו ווערן איינגעלאדן אלס דאקטאר צום גובערנאטאר ווערעאווקין, צום גענעראל רענענקאמף א. א. נים נאר די רוסישע באאמטע פלעגן זיך גערנער קורירן ביי די יידישע דאקטוירים איידער ביי פאליאקן. נייערט אויך פוילישע גוטבאזיצער, קסיאנדזן א. א. פלעגן זיך מיט צוטרוי באציען צו די יידישע דאקטוירים. דאס כמעט פולשטענדיק אויסמיידן מצד דער פוילישער געזעלשאפט די יידישע דאקטוירים — וואס מערקט זיך איצטער — איז אין די פריערדיקע צייטן לגמרי נים געווען.

דאס יידיש געזעלשאפטלעך לעבן האט זיך אין ווילנע אין די 900-ער יארן שטארק אונטערשיידט פון דעם איצטיקן. די בירגערלעכע עלעמענטן און די אינטעליגענץ האבן זיך פארנומען מיט זייער פראפעסיע און די פרייע צייט פארבראכט אין גיין צו געסט איינער צום אודערן און אין קארטנשפיל. די ברויזונג צווישן די ארבעטער האט זיך נאך אקערשט אנגעהויבן. דער „בונד" האט ערשט אנגעהויבן צו שטעלן זיינע ערשטע טריט, באהאלטענערהייט — אין די קעלערס און אויף די בוידעמס. ביי די באלעבאטישע יידן איז, חוץ די סקארבאווע חברות — צדקה-גדולה, תלמוד-תורה, חושב-זקנים א.א. — די פראגרעסיווסטע געזעלשאפט געווען די „ביליקע קיך". וואס בראש איז געשטאנען (פון די יונגע) א. **ניישול**. דא פלעגט מען — חוץ ארויסגעבן ביליקע מיטאגן — מאכן בעלער, איינארדענען ספעקטאקלען, צוזאמערופן פארזאמלונגען א. ד. גל. דא האבן מיר אנגעהויבן צו לייענען אונזערע פאלקס-לעקציעס (אויף רוסיש) פון באשטימטע ביכלעך מיט ליכט-בילדער און בלויז ווי א קאנטראבאנדע פלעגט אונז געלינגען צו זאגן עפעס אן אייגן ווארט.

אין דער זעלבער צייט, ווי ס'האט זיך געגרינדעט דער „בונד", האט זיך געבילדעט א גרופע יידישע אינטעליגענטן לכתחילה מיט א באשיידענעם **ציל** זיך צוזאמענקלייבן כאטש איינמאל אין וואך אום צו פארברענגען אן קארטן. מען האט געלייענט רעפעראטן און געפירט דיסקוסיעס. דערנאך האט זיך די דאזיקע גרופע פארוואנדלט אין א ציוניסטישן ליטעראַרישן קרייזל. אויף די אוונטן, וועלכע ס'פלעגן זיך אין פריוואטע וואוינונגען נים לעגאל צוזאמענקומען אמאל ביז 100 מענטשן, פלעגט מען האלטן פארטראגן אויף טעמעס. וואס האבן גאר קיין

שייכות צום ציוניזם ניט געהאַט. איינמאָל, געדענק איך, האָב איך געלייענט ביים אינזש. פערליס א רעפעראַט וועגן דאַרוויניזם. און מיר האָט אָפּאָנירט עפּעס א יונגערמאַן, א מין ישיבה־בחור. איך האָב זיך געוואונדערט אויף זיין באַהאַוונטקייט אין דער דאָזיקער טעמע. דאָס איז געווען יוסף קלויזנער. נאָך דעם ערשטן באַזעלער קאָנגרעס זיינען די פאַרזאַמלונגען געוואָרן מערער ציוניסטיש באַפאַרבט. נאָר א לענגערע צייט פלעגן אין זיי נעמען אָנטייל אויך פון אַן אַנדער ריכטונג נאַציאָנאַל־געשטימטע פּערזאָנען. איינמאָל האָב איך דאָרטן רעפערירט וועגן מאַקס נאָרדויס נייער פּיעסע „דאָס רעכט צו ליבן" און אַן אַנדערש מאָל וועגן מיין באַגעגעניש מיט מאַקס נאָרדוי אין בערלין נאָך זיינעם א גלענצנדן פאָרטראָג „נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם און ציוניזם", וואָס האָט אויף מיר געמאַכט א טיפן איינדרוק.

לאַנגזאַם זייער האָבן זיך די אָנשויאונגען און ריכטונגען ביי דער ווילנער יידישער אינטעליגענץ אָנגעהויבן צו דיפערענצירן, און אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געקענט אַרבעטן צוזאַמען. די ערשטע ווילנער אָוונט־שול, וואָס די איניציאַטיווע איז געגעבן געוואָרן פון צוויי ווילנער סטודענטן (פּאַוועל ראָזענטאַל און שאַטענשטיין) האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך ביי דער ניט סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, און זי איז געעפנט געוואָרן אויפן נאָמען פון דער ווילנער צדקה־גדולה („מאַלימוטנאַיע פּראַוולעניע"). אפריער איז געעפנט געוואָרן די שול פאַר פרויען (אין 1901) און אין עטלעכע יאָר אַרום — אויך פאַר מענער. אַרום דער דאָזיקער אָוונט־שול האָבן זיך אַלזאָ יאָרן לאַנג געקענט מתעסק זיין מענטשן פון גאָר פאַרשיידענע ריכטונגען.

די ווילנער אָוונט־שול האָט אין משך פון 25 יאָר געשפּילט א גרויסע קולטורעלע און פּאָליטישע ראָלע ביי די יידישע מאַסן (ז. מיין אַרטיקל אין ווילנער „טאָג" נומ. 97, 1926). באַהאַלטענערהייט האָט מען דאָ צום ערשטן אָנגעהויבן צו לערנען אויף יידיש, און מען קען זאָגן, אַז פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יידיש שולוועזן אין ווילנער קאַנט; דאָ איז געשאַפן די ערשטע מאָדערנע יידישע כרעסטאָמאַטיע. ס'איז אגב ניט צו פאַרלייקענען, אַז די אָוונט־שול האָט פאַרנומען אויך א גרויסן אָרט אין דער פּאָליטישער אויפקלערונג און אַנטוויקלונג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. חוץ דער ערשטער פאַרוואַלטערין פאַני מאַרקוסאָן (דערנאָך דבורה פישער, לערער א. פראַנקפורט) און אויך אָרטיקע פּעדאַגאָגן (צונזער, ריוועסמאַן, שפּעטער פּלודערמאַכער א. א.) און ליטעראַטן ח. שאַליט, א. י. גאָלדשמידט, ה. קאַלמאַנאָוויטש א. א.) זיינען בשעתו צו איר נאָענט געשטאַנען אַלגין, אסתר פרומקין, אַבראַמאָוויטש (ריין), גאָלדמאַן (ליבער), לעווינסאָן (בענסקי), גאָזשאַנסקי (לנו) א. א.

אין פעברואַר 1892 האָט די פּעטערבורגער „מפיצי השכלה" („אָפּע") צוזאַמענגערופן די ערשטע קאָנפערענץ פון טוער אויפן געביט פון בילדונג. פון ווילנע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן יצחק גאָלדבערג, פ. געץ, ח. וואָלפּערט און איך. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט געהאַט א גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. דאַן האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן דער קאַמף צווישן די יונגע און אַלטע טוער. דאַן איז אגב אויך אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס אויסצונוצן די העכערע אָפּטיילונג פון דער ווילנער אָוונט־שול אויף צוצוגרייטן לערער פאַר יידישע געגנשטאַנדן אין די יידישע פאָלקס־שולן (וואו מ'האָט נאָך דאַמאָלסט געלערנט אויף רוסיש). די זאָרג וועגן דעם איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר.

אין דער ווילנער אָפּטיילונג פון „מפיצי השכלה" האָב איך די גאַנצע צייט פון אָנהויב ביזן סוף פון איר עקסיסטענץ גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, זייענדיק א וויצע־פאָרזיצער אָדער פאָרזיצער, און פלעג יעדן מאָל זיין איינער פון די דעלעגאַטן צו די צוזאַמענפאָרן אין פּעטערבורג. פאַר מיין צייט איז געשאַפן געוואָרן די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה", וואָס איז איצט איינע פון די גרעסטע און פּאָפּולערסטע אין ווילנע, און בעת דער מלחמה איז דורך דער געזעלשאַפט געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער יידישער שול־נעץ. פאַר די רוסן־צייטן אָבער איז די „מפיצי השכלה" אין ווילנע געווען ביי דער מאַכט פאַררעכנט פאַר ניט „בלאַגאָנאַדעזשנע", און אַלע אירע ביטעס וועגן ערלויבן צו עפענען שולן, לערער־קורסן א. ד. גל. פלעגן ווערן אָפּגעוואָרפן. ס'האָט אפילו ניט געהאָלפן, וואָס אָנשטאָט מיר איז געוואָרן דער פאָרזיצער דער טיכטיקער דירעקטאָר פון דער פּריוואַטער יידישער גימנאַזיע („מיט רעכט") פּ. י. כהן. איינע פון די סיבות פון דעם, וואָס די מאַכט האָט אויף דער געזעלשאַפט געקוקט קרום, איז אפשר געווען דאָס, וואָס דער „בונד" האָט אויף איינער פון זיינע קאָנפערענצן אָנגענומען א באַשלוס צו נעמען א וואָס גרעסערן אָנטייל אין די קאָמיטעטן פון „מפיצי השכלה".

איך וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף מיין ניט קיין גרויסן אָנטייל אין דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט". וואָס איר גרונטשטיין איז געלייגט געוואָרן דורך דער ירושה פון ד"ר ב. פין און איז שפּעטער שטאַרק אויסגעוואַקסן געוואָרן א דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון א. ניישול, ד"ר א. מאַקאָווער. אינזש. קלעבאַנאָוו א. א. „הילף דורך אַרבעט" איז א שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ווילנע (גענויער וועגן דעם ז. די איינמאַליקע אויסגאַבע, 1928).

נאָך איידער ס'האָט זיך געעפנט די אָוונט־שול האָט אויך די אָרטיקע ווילנער ציטונג „סעוועראָ־זאַפּאַדנאַיאַ סלאָוואָ" אונטער דער רעדאַקציע פון נ. ראַדין (קיין יידישע ציטונגען זיינען ניט געווען) גרופּירט אַרום זיך — צוזאַמען מיט די יידישע בירגערלעכע עלעמענטן — אויך סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערן קרייזן. באַזונדערס איז דאָס געווען בעת אין ווילנע האָט זיך באַזעצט (געקומען פון סיביר) אָסיפּ מינאָר, איינער פון מיינע אַמאָליקע מאָסקווער חברים. ער האָט געשריבן לייטאַרטיקלען אין דער ציטונג און פלעגט צוזאַמענקלייבן ביי זיך אין זיין באַשיידענער וואוינונג אויף סטעפּאַן־גאַס די יוגנט, וועלכע האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס באַגייסטערונג. אין ווילנע האָט דאַמאָלסט אויך געוואוינט ביזן טויט זיין פאָטער ז. מינאָר, דער געוועזענער מאָסקווער ראַבינער. וואָס האָט געמוזט פאַרלאָזן מאָסקווע נאָך דעם גירוש. איינמאָל איז געקומען צו אונז אויף א פּאָר טעג (דורכפאָרנדיק פון זיין פאַרשיקונג קיין אויסלאַנד) אויך אונזער חבר מיכאַיל גאָץ, א מענטש אַן ענערגישער און זייער א פּעאיקער. וועגן דער „וועטשערינקע", וואָס איך האָב געמאַכט ביי מיר אין וואוינונג לכבוד דעם גאַסט, האָט מען דערנאָך פיל גערעדט אין געוויסע קרייזן אין שטאָט. אָבער — צום גליק — איז דאָס צו דער פּאָליציי ניט דערגאַנגען, און אַלץ איז אַראָפּ גלאַט. אין א יאָר 2 אַרום איז די ווירקונג פון אָסיפּ מינאָר פונדעסטוועגן דער זשאַנדאַרמעריע ניט געפעלן געוואָרן, און ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין סלוצק. מיט גאָצן און מיט מינאָרן האָב איך זיך מיט יאָרן שפּעטער איינינקע מאָל געטראָפן אין אויסלאַנד.

די אַרבעט אין די אָפּיציעלע יידישע פילאַנטראָפּישע און האַלב־פּאָליטישע געזעלשאַפטן האָט מיך דאַמאָלסט ווייניק געקענט באַפרידיקן — אויך ניט די נייע „בראַטאָליוביוואַיאַ אָבשטשעסטוואָ", וואָס אין בין געווען איינער פון אירע גרינדער און מיטגלידער. זי איז אַנטשטאַנען לויט דער איניציאַטיווע פון באַקאַנטן מאָסקווער כלל־טוער וולאַדימיר אָסיפּאָוויטש האַרקאַווי (הרכבי), מיט וועמען איך בין געווען נאָך באַקאַנט פון מאָסקווע. די דאָזיקע געזעלשאַפט, אין וועלכער ס'האָבן גענומען אָנטייל די אויבערשטע שטיסל פון דער ווילנער פּלוטאָקראַטיע און אינטעליגענץ, האָט גע-

האט פרעטענזיעס אנצופירן מיט דער ווילנער יידישער געזעלשאפטלעכקייט און „פאליטיק". אדוואקאט („טשאססני פאווערעני") זאלערשטיין האט אויסגעפועלט ביים גובערנאטאר א לעגאליזירטן סטאטוט פאר איר, און די זיצונגען פלעגן פארקומען אין פריוואטע וואוינונגען (ניט עפנטלעך) ביי א פיין סערווירטן טיש. קיין גרויסע זאכן האט די געזעלשאפט ניט אויפגעטאן און אין א פאר יאר ארום איז זי געשטארבן — נאך א קורצער גסיסה — מיטן נאטירלעכן טויט. דער לעצטער „אויפטואידער" איז — דוכט זיך — געווען די צוגרייטונג פון א דעפוטאציע אויפן וואקזאל אויף צו באגעגענען ניקאלאי דעם צווייטן. אלס אן אנדענק פון דער דאזיקער דעפוטאציע איז געבליבן א פאטאגראפישע גרופע מיט ר' שלמהלען אין א נייער זיידענער קאפאטע (וואס די רבנים האבן ערלויבט — צוליב איילעניש — צו נייען אום שבת) אינמיטן. פון די ווילנער דאקטוירים האבן מסכים געווען צו נעמען אן אנטייל אין דער דעפוטאציע בלויז דער שעף-דאקטאר פון יידישן שפיטאל זאלקינד.

שפעטער האט דער גרעסטער טייל מיטגלידער פון דער דאזיקער געזעלשאפט געבילדעט א מין בייראט צו דער צדקה-גדולה („מאליטווענאיע פראוולעניע"), וואס האט געזאלט זיין א סוראגאט פון א קהילה.

צו די פארדינסטן פון דער „בראסאלוביוואיע אבשטשעסטווא" קען אפשר אויך צוגערעכנט ווערן דער באנקעט, וואס די ווילנער יידישע געזעלשאפט האט געמאכט אין פעברואר 1902 די פעטערבורגער אדוואקאטן-פארטייידיקער, גרוזענבערג און מיראנאוו, נאכן באפרייאונגס-ווערדיקט, וואס איז ארויסגעטראגן געווארן אין באקאנטן פראצעס בלאנדעס. צוויי יאר נאכאנאנד איז דער דאזיקער פראצעס געלעגן ווי א שווערע מאסע אויף דער יידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד בכלל און דער ווילנער בפרט. די טיפע באדייטונג פון דעם ענין — אין היפוך מיט דעם שפעטערדיקן פראצעס בייליס — איז באשטאנען אין דעם, וואס בעת דער בייליס-פראצעס — ווי ס'איז שוין איצט היסטאריש באוויזן געווארן — איז אינסצענירט און אונטערשטיצט געווארן פון דער רעגירונג, איז דער בלאנדעס-פראצעס, אויב ניט אין אלע פרטים אינסצענירט, בכל אופן פונאנדערגעבלאזן געווארן מצד דער ארטיקער פוילישער געזעלשאפט, לכל הפחות פון געוויסע פוילישע קרייזן. ביזאהער זיינען געווען די באציאונגען צווישן דער פוילישער און יידישער באפעלקערונג אין ווילנע ניט קיין גאנץ שלעכטע אדער פיינדלעכע. און טראגיש איז געווען דאס, וואס גענומען אן אנטייל אין אויפבלאזן דעם כלומרשט „ריטועלן פראצעס" האבן ניט אזוי דער פוילישער המון אדער אפילו גייסטלעכע, נאר א טייל פון דער אנפירנדער פוילישער אינטעליגענץ, ווי דער ערלעכער ד"ר דעמבאווסקי און דער באגאבטער אדוואקאט ווראבלעווסקי. מיט אט די ביידע מענער זיינען מיר געשטאנען אין פריינדלעכע באציאונגען און פלעגן יארנלאנג אויך שפעטער (ביז זייער טויט) זיך טרעפן ביי פארשיידענע געלעגנהייטן און געזעלשאפטלעכע ענינים. ד"ר דעמבאווסקי, א לאנגיאריקער ראטמאן אין ווילנער שטאטראט, א גוטער כירורג, האט זיך אויפן פראצעס ניט געשעמט צו זאגן, אלס עקספערט, אז דעם „שנים" אויפן האלדז האט דער „קרבן" גרודזינסקא ניט זיך אליין געמאכט, נאר א צווייטער (ד. ה. בלאנדעס); און דער פריוואטער מאנער ווראבלעווסקי האט אויפן געריכט אונטערשטיצט די באשולדיקונג אין א פרוב צו א „ריטואלן מארד". מיין גוטער באקאנטער מעטשיסלאוו קאזלאווסקי, וואס איז דאן געזעסן אויפן געריכט אלס געהילף פון ווראבלעווסקין, האט מיר מיט א פאר יאר שפעטער דערציילט, אז ווראבלעווסקי האט דערנאך שטארק חרטה געהאט, וואס ער איז ארויסגעטראטן אין דעם פראצעס, בפרט נאך, אז איינער פון די פארטייידיקער בלאנדעסעס איז געווען ספאסאוויטש אין פעטערבורג, ווראבלעווסקיס געוועזענער פאטראן.

דער באנקעט איז פארגעקומען אן רעש אין א פריוואטער וואוינונג. גרוזענבערג האט דעם טאג געהאט אן אנפאל פון גאלשטיינער-קאליקן; אבער האט מען מורא געהאט צו מאכן פון דעם פראצעס א יידישן נאציאנאלן ענין, הגם די גאנצע צייט האט טאקע אויסגעוויזן, אז פארן געריכט שטייען צוויי שכנישע פעלקער — פאליאקן און יידן. אבער די פארטייידיקער זיינען געווען זייער פארזיכטיק און אויפן געריכט האבן זיי די גאנצע צייט אויסגעמידן צו שטעלן די זאך אויף א נאציאנאלן באדן און האבן אויסגעשלאסן די באטייליקונג אין דעם ענין מצד דער פוילישער געזעלשאפט, אונטערשטרייכנדיק, אז דא האט זיך מערניט געהאנדלט וועגן א שאנטאזש מצד א גרופע פינסטערע עלעמענטן *).

בלאנדעסעס שענדלעכער (געוויס ניט פאר די יידן) פראצעס איז טאקע גיך פארגעסן געווארן. קיין שום השפעה אויף די ווייטערדיקע באציאונגען צווישן די יידן און די פאליאקן אין ווילנע האט ער ניט געהאט. גרוזענבערגן האט ער צוגעגעבן נאך א גרעסערן רום, און דער ארעמער פעלדשער בלאנדעס לעבט נאך איצט אין ווילנע א טיילווייז פאראליזירטער אין גרויס דחקות, אן שום הילף מצד דער יידישער געזעלשאפט.

אין אנהויב 20 יארהונדערט האט זיך די רעוואלוציאנערע ארבעט פון „בונד" באדייטנד פארשטארקט און פלעגט פון צייט צו צייט זיך ארויסרייסן פון אונטער דער ערד אויף דער גאס (יונגע ארבעטער מיט שווארצע שטעקלעך). די ערשטע מאי-דעמאנסטראציעס, וואס פלעגן זיך אלעמאל ענדיקן מיט ארעסטן, פלעגן שטענדיק אויפרודערן די שטאט. די „לאיאלע" („בלאגאנאמירענניע") פלעגט זיך בייזערן, אבער די יוגנט פלעגט סימפאטיזירן אט די העזהניקעס. דעם 1 מאי 1902 איז פארגעקומען די בארימטע עקזעקוציע, ביי וועלכער ס'האט בייגעוואוינט דער שטאט-דאקטאר מיכאילאוו, און נאך וועלכער א פולע קאלעגן האבן אויסגעמידן אים צו געבן די האנט. דערנאך איז געקומען דער בארימטער שאס פון הירש לעקערט אין גובערנאטאר פאן וואל. פוילישע כירורגן האבן אים אויסגעקורירט. די ארדינאטארן פון יידישן שפיטאל האט מען געהייסן צוזאמען מיט אלע טשינאווניקעס גיין צו דער תפילה („מאלעבען"), וואס איז איינגעארדנט געווארן אין גרויסן זאל פון דער „גובערנסקאיע פראוולעניע" (דער בנין פון דער איצטיקער וואיעוואודשאפט). ד"ר מאקאווער און איך האבן זיך פון דעם ארויסגעמאכט. איך האב דערנאך געקורירט לעקערטס שוועגער — אן ארעמע קראנקע פרוי פון שניפישעק. זי האט — דוכט זיך — גארניט פארשטאנען, וואס דא איז פארגעקומען.

א גרעסערע באפרידיקונג — ווי פון געזעלשאפטלעכער ארבעט — פלעג איך האבן פון מיין מעדיצינישער פראקטיק, וועלכע איז שטענדיק געווען זייער א ברייטע און ארומגענומען ניט נאר די שטאט, נייערט די גאנצע ארומיקע געגנט. איך פלעג נעמען אן אנטייל אין די פיראגאווער צוזאמענפארן פון די רוסישע דאקטוירים — וואס האבן דאן געטראגן אויך א פאליטישן כאראקטער — און האב געהאלטן דארטן רעפעראטן וועגן סטאטיסטיק פון דער שטערבלעכקייט אין ווילנע (פאר 1901—1902) און שפעטער וועגן דער פראגע פון איבעררייסן די שוואנגערשאפט — פון סאציאלן, יורידישן און מעדיצינישן שטאנדפונקט.

1904 האט אנגעהויבן צו ברויזן אין רוסלאנד. ווילנע איז ניט אפגעשטאנען פון אלע אנדערע שטעט. ס'איז געווען די צייט

---

*) אז אזוינע ענלעכע „ריטועלע פראצעסן" קענען ביי א גוטן ווילן יעדערזייט ווערן ביים סאמען אנהויב, באווייזט די געשיכטע מיט דעם פרוב ארויסצופירן אזא פראצעס אין ווילנע בעת דער דייטשער אקופאציע אין יאר 1916 (ז. „ווילנער זאמלבוך" — ב. 2, ז. 207—209).

פון פראקלאמירטן „צוטרוי" מצד דער רעגירונג צו דער רוסישער געזעלשאפט, ווען דער געוועזענער ווילנער גענעראל-גובערנאטאר סוויאטאפאלק-מירסקי איז געווארן מיניסטער. ס'האבן זיך אנגעהויבן „באנקעטן", אויף וועלכע ס'פלעגן ארויסטרעטן ארטיקע און געקומענע רעדנער מיט פארשטעלטע פאליטישע רעדעס. א גרויסע ראלע האט דא (אין 1904—1905) געשפילט דער אזויגערופענער „אינטעליגענטן-קלוב", וואס 90 פראצ. פון זיינע מיטגלידער איז באשטאנען פון יידן. דא פלעגט זיין דער זאמל-פונקט פון אלע אומלעגאלע רעוואלוציאנערע פארטייען, דא פלעגן ארויסגעגעבן ווערן קאמף-לאזונגען. שפעטער בעת דעם ערשטן גענעראל-שטרייק (אקטאבער 1905), ווען אין גאנץ ווילנע איז געווען אויף די גאסן שטאק פינסטער צוליב דעם, וואס אויך די עלעקטרישע סטאנציע און דער גאז-זאוואד האבן געשטרייקט, האט זיך דער קלוב אויסגעטיילט ווי א ליכטיקער אאזיס אין א וויסטע, ווייל פימאנאוואס הויז (געארגיעווסקי 22), אין וועלכן דער קלוב האט זיך געפונען, האט געהאט אן אייגענע עלעקטרישע סטאנציע, און צוליב דעם קלוב האט מען איר ערלויבט צו ארבעטן.

צוזאמען מיט די אלגעמיין-רוסישע פאליטישע פארטייען האבן ארויסגעוויזן א גרויסע אקטיוויטעט די נאציאנאלע פארטייען, און גראד ווילנע איז געווען די שטאט, וואו די דאזיקע דיפערענצירונג האט זיך ארויסגעוויזן צום בולטסטן: ס'זיינען אנטשטאנען נאציאנאלע פוילישע, ווייסרוסישע און ליטווישע פאליטישע ארגאניזאציעס. אין 1906 (25—27 מערץ) איז אין ווילנע פארגעקומען דער יידישער צוזאמענפאר, וואס האט געבילדעט דעם „פארבאנד צו דערגרייכן פולע רעכט אין רוסלאנד". דאס איז געווען א גרויסע — אין געוויסן זין רעוואלוציאנערע — געשעעניש אויף דער יידישער גאס. 3 טעג נאכאנאנד זיינען פארגעקומען פארמאכטע פארזאמלונגען אין פריוואטע וואוינונגען, אין וועלכע ס'האבן גענומען אנטייל ביז 100 פערזאן. און צווישן זיי זיינען געווען אזוינע גלענצנדע רעדנער, ווי מ. ווינאווער א. א. די רעזאלוציעס זיינען באקאנט, ווי ס'איז אויך באוואוסט די שפעטערדיקע קעגנערשאפט קעגן דעם „פארבאנד" מצד די יידישע סאציאליסטישע פארטייען און אויך די סתירות און סכסוכים, וואס זיינען דערנאך אנטשטאנען אין „פארבאנד" גופא. אין ווילנע פלעגן אויך פארקומען געמיינשאפטלעכע, צוזאמען מיט די דעמאקראטיש-געשטימטע יידן, קאנספיראטיווע פארזאמלונגען צווישן פארשטייער פון די ארטיקע נאציאנאליסטן: פאליאקן, ווייסרוסן און ליטווינער. דאס העכסטע, וועגן וואס די דאזיקע נאציאנאליסטן האבן געחלומט, איז געווען אווטאנאמיע: די פאליאקן האבן געפאדערט א סיים אין ווארשע, די ליטווינער פאר זיך — א סיים אין ווילנע. דעם אמת געזאגט, איז דער גרעסטער רוב יידן געווען לגמרי גלייכגילטיק צו די דאזיקע טעריטאריאלע אווטאנאמיע-פראגן און זיי פלעגן ארויסשטעלן דער עיקר די פראגן פון גלייכבארעכטיקונג און פון נאציאנאל-קולטורעלער אווטאנאמיע.

נאך מיט א פאר חדשים פריער איז אין פעטערבורג פארגעקומען די קאנסטרואירונג פון דער יידישער דעמאקראטישער גרופע. איך בין באפולמעכטיקט געווארן דורך מיין אלטן פריינד ל. מ. בראמסאן צו ארגאניזירן אין ווילנע אזא גרופע און צוזאמענרופן א באראטונג פון פאסיקע פערזאנען אויף אויסצוקלייבן דעלעגאטן צו דער גרינדונגס-פארזאמלונג פון דער פארטיי, וואס דארף פארקומען אין פעטערבורג. דערביי זיינען די יסודות פון דער „גרופע" געווען אזוי צעשוואומען, אז אין דער באראטונג, וואס איז פארגעקומען ביים ד"ר א. מאקאווער, האבן אנטיילגענומען דעמאקראטן, ציוניסטן, ס. ס. און בונדיסטן ביז 50 פערזאן. אויסגעקליבן האט מען 4 דעלעגאטן: שמעון דובנאוו (דאמאלסט געוואוינט אין ווילנע), שמריהו לעווין (דאמאלסט „פריידיקער" אין שול „טהרת הקודש"), ל. גאזשאנסקי (איינער פון די ערשטע אקטיווע בונדיסטן, באקאנט אונטערן פסעוודאנים לנו; איצט א קאמוניסט אין רוסלאנד) און מיך. דובנאוו האט זיך אפגעזאגט צו פארן, ווייל ער איז פארנומען מיט וויסנשאפטלעכער ארבעט, ש. לעווין — צוליב פאמיליען-אנגעלעגנהייטן, גאזשאנסקי און איך זיינען געפארן. אין פעטערבורג האט זיך אבער די זאך אויפגעקלערט, און גאזשאנסקי, אלס א מענטש פון אן אנדער פארטיי איז צו דעם צוזאמענפאר, ס'פארשטייט זיך, ניט צוגעלאזן געווארן. די יידישע דעמאקראטישע גרופע (ס'האבן גענומען אנטייל: בראמסאן, בער ברוצקוס, ג. לאנדוי, י. פרומקין, ע. גינזבערג, ביקערמאן, ס. גורעוויטש, סאקער, ראזענפעלד א. א.) האט געזאלט פארטרעטן די יידישע דעמאקראטישע ארבעטנדיקע מאסן און איז אידעאיש געווען ענלעך צו דער רוסישער „טרודאוויא גרופא". ניט זייענדיק קיין ריין סאציאליסטישע גרופע, האט זי געזאלט ארייננעמען אזוינע עלעמענטן, וואס זיינען לינקער פאר דער קא-דע-פארטיי, אבער קענען ניט אריינגיין אין די ריין-פראלעטארישע פארטייען. צוזאמען מיט די לעצטע האט זי אבער געדארפט מיטמאכן דעם רעוואלוציאנערן קאמף פאר א נייעם פאליטישן לעבן. די ברייטע מאסן האט די „גרופע" קיינמאל אונטער זיך ניט באקומען. אבער א השפעה אין יידישן פאליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן האט זי אין אלע שטעט געהאט א באדייטנדע.

די געשעענישן האבן זיך גערוקט מיט א גיכן טעמפ. דער גענעראל-שטרייק איז אריבער אין ווילנע זייער אימפאזאנט. דער געזעצגעבער איז געווארן דער אייזנבאנער-קלוב (אויף כערסאנער גאס — איצט דאמבראווסקי-גאס אין פראזאראווס הויז), וואו ס'פלעגן זיך פארזאמלען די אייזנבאן און פאסט-באאמטע. אין משך פון די דאזיקע טעג פלעגן פארקומען — אן ערלויבעניש — מיטינגען אין פארשיידענע זאלן און אויף די גאסן. יידישע יונגעלייט האבן פארכאפט די שול „טהרת הקודש" אויף זאוואלנע גאס. דעם 18 אקטאבער אינאוונט האבן געדונערט מיט רעדעס די אראטארן אין אינטעליגענטן-קלוב — בונדיסטן, עסערן און סאציאל-דעמאקראטן, צווישן זיי אויך דער יונגער קרעסטינסקי, א זון פון א ווילנער גימנאזיע-לערער (איצט רוסישער סאוועט-פארטרעטער אין בערלין). מיטאמאל שפעט ביינאכט האט עמיצער געבראכט די ידיעה, אז די רעגירונג האט נאכגעגעבן, און ס'איז ארויסגעגעבן געווארן א מאניפעסט וועגן קאנסטיטוציע! בלויז איין טאג האט ווילנע געיובלט. אויף איבערמארגן האט זיך שוין געגאסן בלוט אויף די ווילנער גאסן. אויף געארגיעווסקי צווישן אינטעליגענטן-קלוב און אייזנבאן-קלוב האבן באוואפנטע זעלנער געשאסן אין די מאניפעסטאנטן, און דער תמעוואטער גובערנאטאר גראף פאלען (אן אייניקל פון דעם, וואס האט געהרגעט פאוועל דעם ערשטן) האט זיך פארענטפערט, אז דאס איז ניט זיין שולד, און איז ארומגעפארן איבערן גאס ארומגערינגלט מיט אייניקע פירערס פון דער רעוואלוציע (איינע א פרוי וואסילעווסקי) כלומרשט אפצוהאלטן די שיסעריי. דאס רוב געפאלענע זיינען געווען יידן: קיסין, אן אנגעשטעלטער ביי סירקינען, א סטודענט פאמעראנץ א. א.

אין שטאט האט מען אנגעהויבן צו ריידן, אז ס'גרייטן זיך פאגראמען קעגן יידן. פארזיכטיקע פערזאנען האבן די יידן געדראט. ס'האבן זיך אנגעהויבן ארעסטן. פונדעסטוועגן האבן ניט אויפגעהערט פארשיידענע פארזאמלונגען, בפרט, אז לויט דער „קאנסטיטוציע" האבן זיי באקומען מערער רעכט. דער דרייסטערער טייל פון דער באפעלקערונג האט אנגעהויבן צוצוגרייטן א ווידערשטאנד אויפן פאל פון א פאגראם. איך געדענק עפעס א פארזאמלונג אין זאל פון שטאטראט, וואו דער פארזיצער איז געווען איליא ראם (דבורה ראמס א זון). אן אנדער אוונט, שפעט אינדערנאכט, האבן מיר זיך צוזאמענגעקליבן

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB DFG

א קליינע גרופּע אין קאַבינעט פֿון שטאָט-פּרעזידענט („גאָלאָוואַ") וועסלאָווסקי, אויף וועלכער ס'איז געווען אויך אַדוואָקאַט ווראָבלעווסקי. ער האָט דערציילט, אַז ער קומט אַקאָרשט פֿון קאַטוילישן ביסקופּ באַראָן ראָפּ, און אַז דער ביסקופּ איז גרייט צו גיין מיט אַ דעפּוטאַציע צום גענעראַל-גובערנאַטאָר גענעראַל פֿרעזע בעטן, ער זאָל אָננעמען מיטלען קעגן אַ מעגלעכן פּאָגראָם. קיין גרויסן צוטרוי צו ווראָבלעווסקין האָבן די יידן ניט געהאַט צוליב זיין אָנטייל אין פּראָצעס בלאַנדעס. נאָר ווראָבלעווסקי איז געווען אַ מענטש פֿול מיט סתירות. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון אַ יעזואיטישן אָרדען, אָבער אין 1905 איז ער געווען זייער רעוואָלוציאָנער געשטימט און זיך געריסן צו פֿאַרטיידיקן יידן. אויף דער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיט דער דעפּוטאַציע זאָל מיטגיין דער ראַבינער, וואָס איז דאַמאָלסט געווען ל. קאַנטאָר. איך האָב גענומען אויף זיך די שליחות איבערצוגעבן פֿאַרטאָג קאַנטאָרן אונזער באַשלוס. אויף מאָרגן האָט זיך אַ דעפּוטאַציע פֿון עטלעכע פּערזאָן צוזאַמענגעקליבן ביים ביסקופּ און צוזאַמען מיט אים געגאַנגען צום גענעראַל-גובערנאַטאָר. פֿרעזע האָט צוגעזאָגט אָנצונעמען אַלע מיטלען ניט דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם, און ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט.

פֿונדעסטוועגן האָבן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זיך געגרייט צו אַ באַוואָפֿנטן זעלבסטשוץ און געבילדעט אַ געהיימע פּאַראַייניקטע אָרגאַניזאַציע פֿון אַלע פּאַרטייען. פֿון דער דעמאָקראַטישער גרופּע בין איך געווען דעלעגירט. אָפֿטמאָל פֿלעגן זיך ביי מיר צוזאַמענקומען פֿאַרשטייער פֿון די פּאַרטייען; פֿון די פּ. פּ. ס. איז עטלעכע מאָל געווען יאַן פּילסודסקי, דאַמאָלסט אַ יונגער אַדוואָקאַט-געהילף. ביי מיר פֿלעגט מען פֿאַרטיילן געווער (בראַונינגס). איך האָב געדאַרפֿט אויך צושטעלן אַ טייל מיטלען פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. 1,000 רובל איז — דוכט זיך — דורך מיר איבערגעגעבן געוואָרן פֿון די יידישע באַנקירן. אגב איז כדאי צו דערמאָנען, אַז איך האָב דאַמאָלסט געוואוינט אין אַן אונטערשטן גאָרן אויף זאַוואַלנע גאַס 2, און פּונקט אַנטקעגן מיינע פֿענצטער האָט זיך געפֿונען די קוואַרטיר פֿון די פֿעלד-זשאַנדאַרמען.

גלייכצייטיק האָט מען זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו אַ צווייטן גענעראַל-שטרייק, און — אויב ס'וועט זיין נויטיק — צו אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, אַלס אַן ענטפֿער אויף דער קאָנטר-רעוואָלוציע. מען האָט פֿאָראויסגעזען דאָס אַרויסטרעטן פֿון מיליטער. שלאַכטן אויף די גאַסן. און ס'איז געווען נויטיק צוצוגרייטן סאַניטאַרע אָפּטיילונגען פֿון רויטן קרייץ, ווי ביי יעדער מלחמה. איך האָב אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. פֿלעג אַפֿן אַרויסטרעטן צו דעם צוועק אויף נייטיקע פֿאַרזאַמלונגען פֿון מעדיצינישן פּערסאָנאַל און פֿון דער יוגנט. די שטאָט איז צעטיילט געווען אויף פּונקטן, מען האָט געזאַמלט געלט, באַנדאַזש-מאַטעריאַל וכדומה. די פּאָליציי-אַגענטן און די זשאַנדאַרמעריע האָבן דאָס משמעות אַלץ געוואוסט און דערנאָך אַליין פּראָוואָצירט אַ בלוט-באָד.

איינמאָל אינמיטן העלן טאָג — סוף נאָוועמבער אָדער אָנהויב דעצעמבער איז דאָס געווען — האָט אַ פּוילישער אַרבעטער יאַנקאָווסקי געשאָסן אין אַקאַלאַטאַשני נאַדזיראַטעל אַבראַמאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען אויף ראָג לידסקי (פֿראַנציסקאַנער) זאַולעק און זאַוואַלנע גאַס. ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט די קויל קוים דורכגעשאָסן דעם פּאַלטאָ פֿון נאַדזיראַטעל, וואָס איז געווען אונטערגעשלאָגן מיט פֿעלץ, און געמאַכט בלויז אַ רויטן פֿלעק אין הויט פֿון רוקן. דאָס איז אָבער געווען גענוג, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום זאָל קומען צעפֿליען אַ ראָטע סאָלדאַטן מיט ביקסן (אַזוינע פּאַטרולן זיינען געווען פֿול אין שטאָט) און גענומען שיסן אין דער געווערלאָזער מאַסע פֿאַרבייגייער (דער עיקר יידן), וואָס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן, דערהערנדיק, אַז מען האָט „געשאָסן" אַ פּאָליציאַנט. די גאַס איז פֿול געוואָרן מיט פֿאַרוואונדעטע, וואָס זיינען תיכף געבראַכט געוואָרן אין דערבייאיקן יידישן שפּיטאָל. באַלד איז געקומען צופֿאָרן אין שפּיטאָל דער פּאָליצמייסטער קלימאָוויטש (אַ ביטערער גזלן; שפּעטער געוואָרן פּאָליצמייסטער אין מאָסקווע). און בעת איך, אַלס אָרדינאַטאָר האָב אים געמאַכט פֿאַרוואורפֿן, פֿאַרוואָס מען האָט געשאָסן אין אומשולדיקע מענטשן, האָט ער מיך, אדרבה, איינגעלאַדן צו זיך אינאָוונט, וואו ס'וועט פֿאָרקומען אַן אויספֿאָרשונג פֿון דער גאַנצער געשעעניש אין געגנוואַרט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע טוער.

ס'וואָלט געווען לאַנג צו דערציילן די פּרטים פֿון דער דאָזיקער אויספֿאָרשונג; ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז דערביי זיינען געווען צוויי ליבעראַלע אינזשענערן באַריסאָוו און סאַכאַראָוו, דער געהילף-פּראָקוראָר זאַמיסלאָווסקי (שפּעטער באַקאַנטער אַנטיסעמיטישער דומע-דעפּוטאַט) און אָפֿיציעלע פּערזאָנען. ס'האָבן געגעבן דערקלערונגען דער „געליטענער" פּאָליציאַנט אַבראַמאָוויטש, וואָס איז געקומען פֿריש און געזונט, דער אַרעסטירטער יאַנקאָווסקי, אַ האַלבער אידיאָט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ צוגעשיקטן „אַנאַרכיסט", די אָפֿיצירן, וואָס האָבן געהייסן שיסן, „מיינענדיק", אַז די סאָלדאַטן האָבן ניט קיין אָנגעלאָדענע געווער, און „על פּי טעות" איז די געווער יאָ געווען אָנגעלאָדן א. אַז. וו. פֿאַר אַלעמען איז קלאָר געווען, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען אַ גראָבע פּראָוואָקאַציע.

דעם 11 דעצעמבער טאָג ביי דערנאַכט איז מיין וואוינונג פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט געוואָרן מיט קאָנוואָיען, און לויט דעם אָרדער פֿון דער אָכראַנע בין איך אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעפֿירט אין לוקישקער טורמע. דאָ האָט זיך שוין צוזאַמענגעקליבן אַ היפּשער עולם, און וואָס פֿון טאָג זיינען צוגעקומען נייע אַרעסטירטע. דער רוב „פּאָליטישע" זיינען באַשטאַנען פֿון אייזנבאַנער, פֿון פּאָסט- און טעלעגראַף-באַאַמטע, פֿון דעם פּערסאָנאַל פֿון דעם גרויסן קרייז-שפּיטאָל פֿאַר פּסיכישע קראַנקע (500 בעטן) אין ניי-ווילייקע (וואו ס'פֿלעגן פֿאָרקומען מאַסנמיטינגען) א. א. מיט אונז זיינען אויך געזעסן ד"ר וויליישיס (ליטווינער), ד"ר אַפּטעקמאַן (אַלטער נאַראָדאָוואָלעץ), אָרדינאַטאָר פֿון ניי-ווילייקער פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל, אַדוואָקאַט מעטשיסלאַוו קאָזלאָווסקי (שפּעטער קאָמוניסטישער קאָמיסאַר), ניקאָלאַ ראַדין, רעדאַקטאָר פֿון „סעוועראָ-זאַפּאַדנאַיאַ סלאָוואָ", איסיי אייזענשטאַדט (יודין), באַקאַנטער אַלטער בונדישער טוער, אינזשענערן, אַדוואָקאַטן, סטודענטן א. א. אין אָנהויב איז דער רעזשים אין תּפֿיסה געווען אַ גאַנץ מילדער. הגם מיר זיינען געזעסן אין באַזונדערע צעלן, האָבן מיר בייטאָג געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו זען איינער מיט דעם אַנדערן (דער עיקר נאָענט בין איך געווען מיט אייזנשטאַדטן און ראַדינען), באַקומען עסן פֿון שטאָט, זיך זען מיט דער פֿאַמיליע א. ז. גל. דער נאַטשאַלניק איז געווען דונקעל, אַ ווילנער תּושב, באַזוכט די ווילנער גימנאַזיע, אַ דאָקטאָרס אַ ברודער, און האָט זיך געוואָלט ביי אונז אויספּיינען מיט זיין ליבעראַליזם. אָבער צוויי געשעענישן — און אפֿשר נאָך אַנדערע פּאָליטישע מאָטיוון — האָבן באַלד פֿאַרערגערט אונזער לאַגע.

איינמאָל האָט מען צו אונז געבראַכט פֿון קורלאַנד אַ יונגן לעט, וואָס איז געווען פֿאַרמישט אין וויכטיקע טעראָריסטישע אַקטן, און אים האָט געדראָט טויט-שטראָף. קיינער פֿון אונז האָט אים ניט געקענט, זיין פֿאַמיליע ניט געוואוסט, און קיין רוסיש האָט ער — דוכט זיך — אויך ניט פֿאַרשטאַנען. די אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט האָבן באַשלאָסן אים אַנדערש ניט צו באַפֿרייען פֿון געפֿענגעניש. ער איז געזעסן אַליין אין אונזער קאָרידאָר, און מיר זיינען געווען טשיקאַווע, צי ס'וועט דאָס טאַקע זיך איינגעבן. אָבער קיין שום „ניסים", פֿון וועלכע

מסן האָט אונז דערציילט, זיינען ניט פאָרגעקומען, און דער לעט איז געבליבן. דאַן איז מען איינגעפאַלן אויף אַן אַנדער המצאה: ער זאָל זיך מאַכן קראַנק אַזוי, אַז מען זאָל אים איבערפירן אין שפּיטאָל. און פון דאָנען וועט שוין דאָס באַפרייען זיין גרינגער.

אַזוינע פאַלן פלעגן דאַמאָלסט ניט זעלטן פאָרקומען. איך דערמאָן זיך אַ פאַל. ווען אַ שווער פאַרוואונדעטער פּאָליטישער אַרעסטאַנט (אַ יידישער אַרבעטער) איז פון יידישן שפּיטאָל אַנטלאָפן דורכן פענסטער, ניט קוקנדיק וואָס שטענדיק איז לעבן אים געווען אַ קאָנוואָי. מען דערציילט, אַז זיין כלה האָט אים געבראַכט ווייבערשע קליידער, אים אַראָפּגעלאָזן אויפן גאַס אויף האַנטיכער, און דערנאָך — אַז זיי זיינען ביידע שוין געווען אין אויסלאַנד — צוגעשיקט דער זשאַנדאַרמעריע אַ בריוו מיט זייער פאָטאָגראַפיע.

מיך האָט מען אָנגעבעטן, איך זאָל דעם לעט אויסלערנען, ווי צו „ווערן שווער קראַנק". איך האָב געראָטן צו סימולירן קאָנוואולסיעס, ברעכן, באַוואוסטלאָזיקייט, קאָפּוויסיק א. ד. גל. מען האָט גערופן דעם תפיסה-דאָקטאָר (פון מיליטער) שרייבער: ער איז געוואָרן אין פאַרלעגנהייט מכוח דעם דיאַגנאָז און מיך געבעטן אויף אַ קאָנסיליאום. איך האָב געשטעלט דעם דיאַגנאָז — טובערקולאָזע מאַרך-אָנצינדונג, אַן אומהיילבאַרע קראַנקייט. דעם קראַנקן האָט מען טאַקע באַלד איבערגעפירט אין שפּיטאָל יאַקוב (איצט האָט שוין די לוקישקער תפיסה אַן אייגענעם שפּיטאָל). אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אַ באַוואָפנטע חברה אים פון שפּיטאָל אַרויסגעכאַפּט. איך בין זיך וואָ מודה אין אַ האַנדלונג, וואָס איז קעגן דער דאָקטוירים-עטיק. אָבער אַזאַ רעוואָלוציאָנערע צייט איז דאַמאָלסט געווען, ווען אַלגעמיינע געזעצן ווערן געבראָכן. קיינער — ס'פאַרשטייט זיך — האָט מיך דאַן אין אַ בכוונהדיקן פאַלשן דיאַגנאָז ניט חושד געווען. אויך דער שפּעטערדיקער נאַטשאַלניק פלעגט מיך ניט איינמאָל רופן צו חולאים אין תפיסה. אָבער ד״ר שרייבער האָט זיין פּאָסטן נאָכדעם פאַרלאָרן.

ערגער האָט זיך אָפּגערופן אויף אונז די אַנדערע מעשה, אין די כלים, וואָס מען פלעגט ברענגען מיר און קאָזלאָווסקין. פלעגן מיר איבערשיקן בריוו אַהיים. איינעם אַזאַ בריוו האָט מען געפּאַקט, און פון דאַן אָן איז דער רעזשים געוואָרן פיל שטרענגער. דונקעל איז אַראָפּ און אויף זיין אָרט איז געקומען אַ נייער נאַטשאַלניק (פאַרגעסן זיין נאָמען), די זעאונגען זיינען ערלויבט געוואָרן בלויז איינמאָל אַ וואָך (פאַר יידן שבת, פאַר קריסטן זונטאָג) פאַר אַלעמען צוזאַמען דורך 2 רייען גראַטעס (אַלס פּראָטעסט האָבן מיר זיך לכתחילה לגמרי אָפּגעזאָגט פון דעם). עסן האָט מען געקענט באַקומען בלויז דורך דער פאַרמיטלונג פון דער קאַנצעלאַריע, בריוו שיקן נאָר דורכן פּראָקוראָר א. ד. גל. ס'איז געוואָרן אומעטיקער אויפן האַרצן, און צוליב אונז האָבן געליטן אויך די אונטערשטע גאַרנס, וואו ס'זיינען געזעסן די ווייניקע „פּריוויליגירטע" פּאָליטישע, וועמען מיר פלעגן פון אויבן דורך די גראַטעס פון די פענסטער אַראָפּשיקן אויף שטריקלעך עסנוואַרג. צווישן די דאָזיקע ניט פּריוויליגירטע האָט זיך געפונען אַ שטיינער אַ יונגער בחור יעדידאָוויטש, אַ דינס אַ זון (איצט אַ באַקאַנטער יידישער לערער). אַפילו שטיין לאַנג אויף דער טאַבורעט און קוקן דורך די גראַטעס פון הויכן פענסטער האָט מען אויך ניט געטאָרט. פון הויף פלעגט זיך מערניט הערן דאָס ריטמישע קלינגען פון די שווערע פוס-קייטן פון די קרימינעלע, און אַמאָל פלעגט געלינגען אַ קוק טאָן אויף די אַרעסטאַנטן פון די אַנדערע קאָרפּוסן, בעת זיי שפּאַצירן איבערן הויף. אַ וואונדערבאַרן איינדרוק פלעגט מאַכן אַ יידישער בחור דייטש, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט (אַזוינע פלעגן דאַמאָלסט פאַרן דורכפירן פון פּסק אַמאָל נאָך אָפּזיצן איניקע חדשים): אויך אין זיין אַרעסטאַנטן-קליידונג איז ער געווען פריילעך, שיין און עלעגאַנט און פלעגט אַלע מאָל זיך מיט אַלעמען גוטמוטיק באַגריסן (נדוכט זיך, דער פּסק איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, און ער איז אַנטלאָפן).

5½ חדשים האָב איך פאַרבראַכט אין לוקישקער טורמע, פון 11 דעצעמבער 1905 ביז 21 מאַי 1906. און מען האָט מיר אַדמיניסטראַטיוו צוגעפּסקנט צו פאַרשיקן אויף 3 יאָר אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע. מערניט אויף 5 טעג האָט מען מיך אַרויסגעלאָזן אויף צו „ברענגען אין אָרדנונג מיינע געשעפטן". אָבער אין משך פון די 5 טעג איז געלונגען צו פּועלן, מען זאָל מיר אַרכאַנגעלסק פאַרבייטן אויף אויסלאַנד. מסתמא איז די זאַך שוין צוגעגרייט געוואָרן פון פריער: ניט ווייניק האָט מען פאַר מיר זיך אין פּעטערבורג משתדל געווען. איך ווייס מערניט, אַז ביים אַרויסגיין פון תפיסה האָט דער וואָטשעבני אינספּעקטאָר (גובערניאַלער געזונט-אינספּעקטאָר) ד״ר יאַצוטאָ פאַר 200 רובל „וזיאַטקע" (כאַבאַר), וואָס יצחק גאָלדבערג (אַלס גרויסער דראָגן-סוחר איז ער געווען „באַקאַנט" מיט שוחד) האָט אים פאַר מיר געגעבן, מיך אָנערקענט פאַר „קראַנק" און באַשטעטיקט, אַז דער צפון-קלימאַט איז פאַר מיר „שעדלעך". דער גורל האָט געוואָלט, אַז אין אַ פאָר יאָר אַרום זאָל איך קורירן אי דעם תפיסה-שעף, אי דעם געזונט-אינספּעקטאָר. ביידע לעבן שוין איצט ניט.

כדי אויסצומיידן אַ דעמאָנסטראַציע, האָט מען מיר דערלויבט אָפּצופאָרן פון ווילנע מיט דעם שלעפּצוג, וואָס גייט מערניט ביז דער גרענעץ, אין באַגלייטונג פון אַ פּאָליציאַנט, און איך האָב געמוזט איבערנעכטיקן מיט מיין פרוי און 3 קליינע קינדער אין איידקונען. אויף מאָרגן בין איך שוין געפאָרן אַלס אַ פרייער מענטש. איך האָב פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד (אין בערלין און אין היידעלבערג) כמעט אַ יאָר, באַזוכט די קליניקעס און זיך פאַרנומען מיט מעדיצין. אַ געוויסע צייט האָב איך געוואוינט אין דער שווייץ און זיך דאָרטן געטראָפן מיט אייזענשטאַדטן, וועלכער איז שפּעטער פאַר מיר אויך אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון תפיסה, און אויך מיט זיין שוועגערין און שוואָגער סטאָן פון אַמעריקע. דער סטאָן איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש. ראָזענשטיין פון אָדעס, איז ער, אַ יונגער בחור, אַנטלאָפן אין אַמעריקע און האָט זיך דאָרטן דערשלאָגן דערצו, אַז ער איז געוואָרן אַ הויכער באַאַמטער אין מיניסטעריום פאַר דער צייט פון פּרעזידענט רוזוועלט. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין אינטערנאַציאָנאַלע טאַריפן און געווען געשיקט פון אַמעריקאַנער מיניסטעריום אין בראַזיליע און דערנאָך אין אַלע הויפּט-שטעט פון אייראָפּע. אין בערלין האָט ער אַ געוויסע צייט געוואוינט אין דעם שענסטן האָטעל, געהאַט אַן אודיענץ ביי ווילהעלמען און געווען איינגעלאַדן מיט זיין פרוי אויף מיטאָג צום דייטשן אויסלאַנדס-מיניסטער טשירסקי (דאָס קליין בונדיסטיש ווייבל האָט נעבעך געמוזט צוליב דעם נייען אַ נייע זיידענע קלייד). אויף זיין רייזע אין פּאַריז, לאָנדאָן און דערנאָך אין בריסעל, בין איך מיט אים מיטגעפאָרן און אויך אַ ביסל אויסגענוצט זיינע דיפּלאָמאַטישע באַקוועמלעכקייטן. ניט ווייסנדיק, ווען איך וועל זיך קענען אומקערן אַהיים, האָב איך געוועסט געוואָלט בלייבן אין לאָנדאָן פּראַקטיצירן אין ווייטשאַפּל (וואָס האָט דאַמאָלסט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין אונזערע אַ יידישע שטאָט), אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן.

אויף אַזאַ אופן בין איך אין משך פון 1½ יאָר געווען אָפּגעריסן פון פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד. אַן מיר זיינען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער ערשטער דומע און איר פונאַנדערלאָזן. דערווייל האָט מיין שוועגערין, פּאַלינע שאַבאַד, אַן אונזער וויסן ניט אויפגעהערט זיך משתדל זיין, מען זאָל מיר דערלויבן זיך אומקערן אין רוסלאַנד פריער פאַר דעם 3-יאָריקן טערמין, און טאַקע דעם 7-טן מאַי 1907 האָב איך באַ-

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

קוטאַן פון ווילנער גובערנאַטאָר לוביִמאָוו די ערלויבעניש צוריקצוקומען אין ווילנע. באַקאַנטע פאַציענטן, באַגעגענענדיק מיך אויפן גאַס, פלעגן מאַכן אַ ברכה פון שמחה, און איך האָב גלייך ווידער באַקומען אַ ברייטע מעדיצינישע פראַקטיק. אַ יאָר בין איך געווען „אונטער דער אויפזיכט פון פאָליציי", ניט געטאָרט אַרויספאָרן פון שטאָט אָן אַ ערלויבעניש, און דער גובערנאַטאָר האָט מיר מתרה געווען, אַז איך בין ניט „דער העלד פון זיין ראָמאַן", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

ביסלעכווייז בין איך פונדעסטוועגן ווידער אַריינגעצויגן געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ היפשע געזעלשאַפטלעכע ראָלע האָט דאַמאָלסט געשפילט אין ווילנע די אַנטי-טובערקולאָזע ליגע, וואָס איז געווען געשאַפן לויט מיין איניציאַטיוו. דאָס איז געווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַראייניקט דאָקטוירים און געזעלשאַפטלעכע טוער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן: רוסן, פאָליאַקן, יידן און ליטווינער. צווישן אַנדערע האָבן פון די רוסן גענומען אָנטייל דאָקטוירים קראַאינסקי, נאַסאָוויטש, ברוכאַנאָוו, היגע באַאַמטע און זייערע פרויען, פון די פאָליאַקן — די דאָקטוירים מאַרעניטש, קעוולימש, די אַדוואָקאַטן באַגינסקי, אַבראַמאָוויטש און דאַמען פון דער געזעלשאַפט, פון די ליטווינער — יאָנאַס ווילייִשיס (איצט שטאָט-פרעזידענט אין קאָוונע), סמעטאָנע (איצט פרעזידענט פון דער ליטווישער מלוכה) א. א. אימפאָזאַנט איז געווען דער ערשטער זאַמלטאָג („ווייסער בלימל") דעם 8 מאַי 1912, וואָס האָט געגעבן 8000 רובל (אַ קאָלאָסאַלע סומע פאַר יענער צייט), אין וועלכן ס'האָט גענומען אָנטייל די גאַנצע שטאָט, אַפילו די פרוי פון גענעראַל רענענקאַמף. איך בין געווען וויצע-פאַרזיצער, געהאַלטן פאָרטראַגן, געשריבן אַרטיקלען, צוזאַמענגעשטעלט באַריכטן (געדרוקט אין רוסיש) און געאַרבעט זייער אַקטיוו. פון אָנהויב איז פאַרזיצער געווען ד"ר מאַרעניטש (פאָליאַק), און נאָך זיין טויט דער רוס ברוכאַנאָוו, און 2 וויצע-פאַרזיצערס — ד"ר קעוולימש און איך. מען מוז זאָגן, אַז די יידישע געזעלשאַפט, וואָס האָט געהאַט גענוג אייגענע חברות, האָט פאַרהעלטניסמעסיק גענומען אַ קלענערן אָנטייל אין דער ליגע, ווי די קריסטלעכע. צוזאַמען מיט מיר האָבן דאָן געאַרבעט ד"ר באַרכאַש, ד"ר שאַפיראָ, אינזש. ליטווער, פרוי אַראַנאָווסקאַ א. א. אַ פאָלעמישע באַדייטונג האָט דאַמאָלסט געהאַט דאָס, וואָס די אויסגאַבן פון דער ליגע — אַ שטייגער די כללים, ווי זיך צו פאַרהיטן פון טובערקולאָזע — זיינען געווען געדרוקט אויף רוסיש, פויליש, ייִדיש און ליטוויש. די זאַמל-טעג האָבן די גייסטלעכע פון אַלע גלויבנס אונטערשטיצט פון די אַמוואָנען און בימות, און ס'זיינען געווען געקלעפט אויף די גאַסן קול-קוראס פון די פאַפעס, קסיאָנדזן און פון די רבנים.

די מלחמה האָט איבערגעריסן די אַרבעט פון דער אַנטי-טובערקולאָזער ליגע, ווי פון אַלע אַנדערע געזעלשאַפטן. די געמויערטע ווענט פון דער סאַנאַטאָריע, וואָס די ליגע האָט אָנגעהויבן צו בויען אויף געשאַנקענע דורך דער מלוכה ערד (אין פאָנאַרי, לעבן אייזנבאַן-טונעל) שטייען נאָך עד-היום ניט פאַרענדיקט. ס'האָבן זיך אָנגערוקט וויכטיקערע געשעענישן און גרעסערע זאָרגן.

דאָס לעבן אין ווילנע בעת דער מלחמה פון סוף יולי 1914 און דער דייטשער אָקופּאַציע (פון 5/18 סעפטעמבער 1915) איז שוין גענוג געשילדערט אין די 2 בענדער „ווילנער זאַמלביכער", וואָס זיינען אַרויס אונטער מיין און מ. שאַליט'ס רעדאַקציע אין ווילנע בעת דער דייטשער אָקופּאַציע (1916 און 1918), אין „פנקס" (1922) פון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ—סקי, אין מ. שאַליט'ס העפט („פון די מלחמה-יאָרן", ווילנע 1922) און אין ד"ר וויגאָדסקי'ס „אין שטורם".

אַ פאָר ווערטער וויל איך נאָך צוגעבן צו מיינע „זכרונות", וואָס זיינען געדרוקט אין דעם איצטיקן פנקס (ז. אויבן זייטן 574—603), וועגן מיינע איינדרוקן פון גאַליציע, וואָס איך האָב באַקומען, זייענדיק דאָרטן אַלס מיליטער-דאָקטאָר אָנהויב 1915. אַ בולטן בילד פון די דאַמאָלסטיקע געשעענישן האָט געגעבן ש. אַנ—סקי אין זיין „חורבן גאַליציע". איך קען נאָר באַשטעטיקן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט מיט זיין טאַלענט און האַרציקער פעדער באַשריבן.

איך בין געפאָרן אין לוואָוו (לעמבערג) מיט אַ דירעקטן צוג פון פעטערבורג — סוף דעצעמבער 1914. דאָס איז שוין געווען אַ גרויסער „נצחון" פאַר דעם רוסישן אימפעריאַליזם: „טשערוואָנאַיאַ רוס", דער „פון אייביק אָן („איסקאָני") רוסישער קאַנט" איז געוואָרן דירעקט פאַראייניקט מיט גרויס-רוסלאַנד. מערניט אין בראָד האָט מען געדאַרפט זיך איבערזעצן אין אַן אַנדער צוג, ווייל די שינעס זיינען נאָך ניט געווען צוגעפאַסט צו די רוסישע וואַגאָנען. אין זעלבן צוג מיט מיר איז געפאָרן גרויספירשט קיריל אַלעקסאַנדראָוויטש (אַ הויכער עלעגאַנטער פולקאָווניק אין אַ קאַווקאַזער בורקע), דער שעף פון דער „ווילדער אַרמיי" (צוזאַמענגעשטעלט פון ווילדע קאַווקאַזער קאָזאַקן), וואָס פלעגט שוין מיט איר באַווייזן זיך אַליין וואַרפן אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג: ס'איז ניט געווען קיין גרעניץ פאַר זייערע מעשים-תעתועים, וואָס זיי פלעגן אָנטאָן אין דעם „באַזיגטן לאַנד". די ערשטע כפרה זיינען, ס'פאַרשטייט זיך, געווען די יידן. מען פלעגט ראַבעווען, אונטערצינדן גאַנצע ישובים, שלאָגן זקנים און קינדער, שענדן פרויען.

אין בראָד בין איך געבליבן אַ פאָר שעה. אָפגעריסענע יידישע יינגלעך האָבן פאַרקויפט רוסישע צייטונגען, זיך געריסן צוצוטראָגן אַ פעקל פון באַן. יידישע פרויען האָבן אין זייערע שטמערס פאַרקויפט עסנוואַרג די סאָלדאַטן. די גאַס, וואָס פירט פון שטאָט, האָט געטראָגן אויף זיך סימנים פון שׂרפות און צעשטערונג. מאַנכע גאַסן האָבן שוין געהאַט רוסישע נעמען (פושקינסקאַיאַ — דוכט זיך — א. א.). אַ שטילקייט, אָן אָרעמקייט און טרויער איז געלעגן אויף אַלץ. מערניט אויפן בית-עולם, וואָס איך האָב באַזוכט, זוכנדיק די קברים פון מיין פרויס קרובים, איז ניט קענטיק געווען פון דער מלחמה און פון דער נייער מאַכט. אַבער אויך דער שומר האָט מיט שרעק און אומצוטרוי געקוקט אויף מיינע מיליטערישע בגדים. אין לוואָוו, פאַרקערט, איז געווען זייער לעבעדיק. דער שיינער וואַקזאַל (שפעטער ביים אָפטרעטן האָבן די רוסן אים פאַרברענט) איז געווען פול מיט מיליטער, אויך אין שטאָט האָט געקאָכט, און אַלע האָטעלן זיינען געווען פאַרנומען. איך האָב געקראָגן אַ שמוציקן נומער אין „זשאָרזש" לעבן אַ קאַמפאַניע אָפיצירן, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געשכורט און געהולטאַיעט מיט פרויען.

קומענדיק איינמאָל פון טאַרנאָוו קיין לוואָוו, וואו איך האָב זיך געדאַרפט זען מיט מיין שעף דעם גראַף דאָלגאָרוקאָוו, האָב איך געזוכט זיך צו באַקענען מיט דער לאַגע דאָ פון די יידן. ניט די פאָסט, ניט די טעלעפאָנען זיינען פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, ס'פאַרשטייט זיך, ניט געווען צוטריטלעך, און איך האָב געמוזט זוכן אַנדערע וועגן. גראָד האָב איך אין זעלבן האָטעל געטראָפן ד"ר לאַנדערן, וואָס איך האָב געקאַנט נאָך פון פעטערבורג. ער איז געווען מיליטער-דאָקטאָר אין פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין ראַוואַ-רוסקאַ, אַ סטאַנציע לעבן לוואָוו, און פלעגט אויסנוצן יעדע לעגאַלע און אומלעגאַלע געלעגנהייט אום צו קומען זיך זען מיט די יידישע פאַרשטייער. ד"ר לאַנדער איז געווען אַ וואונדערבאַרער פילנדיקער מענטש און האָט זיך זייער גענומען צום האַרצן די אַלע יידישע צרות און עוולות, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך. שטעלנדיק זיך אין גרויסער געפאַר אַלס מיליטער-דאָקטאָר, האָט ער געקליבן אַלע געהיימע דאָקומענטן און פאַראָרדענונגען, וואָס זיינען דאָן פון דער

רוסישער מאַכט אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן די יידן, וואָס האָבן געדינט אין מיליטער און אויך קעגן דער יידישער ציוויל־באַפעלקערונג. חוץ דעם איז ד״ר לאַנדער, זיך צוקוקנדיק צו דער שרעקלעכער נויט פון די יידן אין גאַליציע, עטלעכע מאָל — אונטער פאַרשיידענע אויסריידן — געפאָרן אין פעטרבורג, רעפּעדירט וועגן דעם אין די יידישע קרייזן און באַוועגט דעם קאָמיטעט „יעקאָפאַ“ צו שיקן אַהער הילף.

איך האָב פאַרבראַכט מיט לאַנדערן עטלעכע טעג און פאַר דער צייט זיך אַזוי באַפריינדעט מיט אָט דעם האַרציקן מענטשן, אַז מיר האָבן זיך צוזאַמען פאָטאָגראַפירט און געחלומט זיך נאָך אַמאָל צו זען נאָך דער מלחמה ביי בעסערע צייטן. צום באַדויערן, האָב איך אים פון דאַן אָן ניט געזען. און דיך ביז־איצט ניט געקענט אפילו דערוויסן, צי ער לעבט.

פון דער לעמבערגער יידישער אינטעליגענץ איז אין גאַליציע בעת דער רוסישער אָקופאַציע געבליבן בלויז אַ קליין הייפל. אין לעמבערג האָט דאַמאָלסט פאַרביטן דעם הויפט־ראַבינער דער ד״ר הויזנער (שפעטער סיים־דעפוטאַט, איצט פוילישער קאָנסול אין פאַלעסטינע), וואָס איז אייגנטלעך — דוכט זיך — געווען רעליגיאָן־לערער. דעם ראש־הקהילה האָט פאַרביטן ה. דיאַמאַנט. לאַנדער איז געוואָרן אין דער לעמבערגער קהילה שוין אַן אייגענער מענטש, און זיין רוסיש־מיליטערישע אוניפאָרם האָט קיינעם ניט אָפגעשראָקן. דאַמאָלסט האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם צי זאָלן די לעמבערגער יידן, אַלס עסטרייכישע בירגער, אָפיציעל נעמען געלט־שטיצע פון די פעטערבורגער יידן, וואָס זיינען דאָך רוסישע בירגער. כדי די זאַך אויסצושטעלן אויף אַ לעגאַלן אופן, האָט מען געדאַרפט בילדן אַן אַנטשפּרעכנדיקן קאָמיטעט מיט דער דערלויבעניש פון דער רוסישער מיליטערישער מאַכט. ה. דיאַמאַנט איז געווען אין דעם פרט זייער צוריקגעהאַלטן, און האָט געזען אויסצומיידן וועלכע ס׳איז מגע ומשא מיט רוסישע בירגער. הויזנער איז געווען נאָכגיביקער און איז געגאַנגען צוליב דעם אויף אַן אודיענץ צום לוואָווער גענעראַל־גובערנאַטאָר באָברינסקי. דער פאַרמיטלער איז געווען דוד פיינבערג פון פעטערבורג, וואָס האָט דאַן זייער פיל געטאָן אויפן געביט פון געבן שטיצע די געליטענע פון דער מלחמה. די יידן אין גאַליציע זיינען געווען זייער נידערשלאָגן; פיל האָט מען אוועקגעשלעפט פאַר „זשאַלאָזשניקעס“ (ערובניקעס) אין קיעוו, און מען איז נאָך געווען אונטער דעם פרישן איינדרוק פון די מיליטערישע „עקסצעסן“, וואָס זיינען אין שטאָט פאָרגעקומען אין די ימים־נוראים־טעג. ווי אַלע מאָל אין אַזוינע פאַלן, האָבן די אָפיציעלע קרייזן פאַרזיכערט, אַז די „יידן האָבן געשאָסן פון די פענסטער“ אין מיליטער. באָברינסקי האָט דערלויבט צו גרינדן אַ הילפס־קאָמיטעט און האָט „באַרויקט“ די יידישע דעפוטאַציע, אַז די יידן פון גאַליציע (אַז דאָס לאַנד וועט געהערן צו רוסלאַנד, איז פאַר אים משמעות גאָר קיין ספק ניט געווען) וועלן האָבן די זעלבע „רעכט“, וואָס די רוסישע יידן.

אין איינעם אַן אַוונט, ווען איך בין צוזאַמען מיט לאַנדערן געווען אויף אַן ענגער זיצונג אין לעמבערגער קהילה, האָב איך דערציילט וועגן דעם, וואָס איך האָב געזען אין דעם פולשטענדיק רואינירטן שטעטל רעמביצע, אין קראָסנע, בוטשאַטש, טאַרנאָוו א. א. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די געדריקטע שטימונג. איך ווייס ניט, ווי ס׳איז שפעטער געווען אָרגאַניזירט די שטיצע אין גאַליציע. אין דער צייט, ווען איך בין דאָרטן געווען (יאַנואַר 1915), איז דאָס פאָרגעקומען זייער שווער. איך, צום ביישפיל, האָב געהאַט די מיסיע איבערצוגעבן 300 רובל (דוכט זיך) איינעם אַ צאָן־דאָקטאָר (איך געדענק ניט די פאַמיליע) אין טאַרנאָפאָל. אָבער דער אומצוטרוי מצד דער יידישער באַפעלקערונג צו אַ רוסישן מיליטערמאַן (איך האָב געהאַט דעם „משין“ פון אַ פּאָלקאָווניק) איז געווען אַזאַ, אַז מיר איז דאָס ניט געלונגען, און איך האָב געמוזט, אומקערנדיק זיך אין ווילנע (פעברואַר 1915), אָפשיקן דאָס געלט צוריק, ניט אויסנוצנדיק זיי. אויך אין טאַרנאָוו, וואו איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן, איז מיר ניט אויסגעקומען זיך נענטער צו באַקענען מיט דער יידישער באַפעלקערונג, הגם איך האָב גענומען אָנטייל אין דער אַמבולאַטאָריע, וואָס מיר האָבן געעפנט פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אפילו דער אָרטיקער דאָקטאָר אָדער, וועלכן איך האָב באַזוכט, האָט זיך אויך געהאַלטן ווייט פון מיר. נאָך מערער דעריבער דאַרף אָנערקענט ווערן די פאַרדינסטן פון ד״ר לאַנדער און די קונסט פון ש. אַנ—סקי, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו באַקומען אַ צוטריט צו אַלע קרייזן פון גאַליציע און צוזאַמענגעקליבן אַזאַ רייכן און ווערטפולן מאַטעריאַל*).

בעת דער מלחמה איז מיר ניט אויסגעקומען צו שרייבן וועגן מיינע איינדרוקן פון גאַליציע. אַלע מיינע פרובן אין דעם זין דער אין ווילנער רוסישער צייטונג „סיעווערא־זאַפאַדני גאָלאָס“ און אין דער יידישער „וואָך“ (אונטער ניגערס רעדאַקציע) זיינען פון דער מיליטער־צענזור אויסגעמעקט געוואָרן. אַ קליינער קאַפיטל איז מיט דריי יאָר צוריק אָפגעדרוקט געוואָרן אין לעמבערגער „דער מאָרגן“ (1927, נומ. 141).

צוקוקנדיק זיך — אמת, אַ קורצע צייט — צו דער יידישער באַפעלקערונג פון גאַליציע בעת דער מלחמה, און קענענדיק די שטימונג פון די יידן בעת דער מלחמה און אָקופאַציע פון אונזערע קאַנט, בעט זיך ניט ווילנדיק מאַכן אַ פאַראַלעל צווישן אָט די ביידע געביטן, וואָס זיינען איצט, לויט דעם גורל פון דער געשיכטע, פאַראייניקט געוואָרן אין איין מלוכה — פוילן. מיר דוכט זיך, אַז ביי די גאַליציאַנער יידן איז דאַן געווען אַ סך שטאַרקער איינגעבאַקן אין האַרצן דער פאַטריאָטיזם צו עסטרייך און צו איר קייזער פראַנץ־יאָזעף, איידער ביי אונזערע יידן — צו רוסלאַנד און בפרט צו ניקאָלאַיען. געוויס דערקלערט זיך דאָס מיט דעם, וואָס אין עסטרייך זיינען די יידן געווען פולבאַרעכטיקטע בירגער, בעת אין רוסלאַנד זיינען זיי געווען אונטערגעוואָרפן פאַרשיידענע באַגרענצונגען. אמת, די ווילנער יידן האָבן זיך בעת דער דייטשער אָקופאַציע געהאַלטן פיל לאָיאַלער צו רוסלאַנד ווי אַ שטייגער די פאָליאַקן אָדער ליטווינער (זיי האָבן דאָך געהאַט גאָר אַנדערע אַספיראַציעס), און זיך ניט געלאָזן אַריינשלעפן אין וועלכע ס׳איז פאָליטישע קאָמבינאַציעס און אַוואַנטורעס. אָבער בעת ס׳איז געגאַנגען וועגן באַקומען הילף פאַר דער באַפעלקערונג, איז קיינעם ניט איינגעפאַלן זיך אָפצושטעלן פאַר דעם, אויב אפילו דאָס געלט איז געגאַנגען דורך די דייטשע יידן. ווער רעדט, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן מעדיצינישער הילף, איז פאַר אַ יידן (אָדער יידענע) פון אַ גאַנץ יאָר קיין אָפשטעל ניט געווען: יעדן דייטשן מיליטערישן דאָקטאָר פלעגט מען שוין גלייך נאָך זיין קומען אָנרופן „פראָפעסאָר“ און מען פלעגט אים רופן צו חולאים. גראָד שפעטער, בעת די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט, און די ישועה פון דעם געגאַרטן שלום איז נאָך ניט געקומען, האָט מען אָנגעהויבן צום גוטן דערמאָנען די פאַרמלחמה־יאָרן, דעם ברייטן שליאַך און דעם גרויסן וועלט־מאַרק.

מיטן אָנהויב פון אָפטרעטן פון די רוסישע חיילות בין איך צוריקגעקומען אַהיים. ס׳איז קלאָר געווען, אַז דער שונא דערנעענטערט זיך צו ווילנע, און איך האָב באַשלאָסן די שטאָט ניט צו פאַרלאָזן, וואָס פאַר אַ שווערע צייטן ס׳זאָלן ניט קומען. מיין פאַמיליע איז אָפגעפאָרן אין פעטערבורג, און איך בין געבליבן אַליין. מיין גרויסע וואוינונג איז געוואָרן אַ מין אכסניה: אין אַ טייל האָבן געוואוינט יונגעלייט, אַ טייל האָט פאַרנומען אַ דייטשער מיליטער־דאָקטאָר (אַ זייער אומסימפאַטישער מענטש).

---

*) וועגן ד״ר לאַנדער גענויער ז. אויבן זייטן 857—861.

רעד.

מיטן 1915 וויל איך ענדיקן מיין אווטאָביאָגראַפיע. די תקופה 1915—1922 איז אין איר גרעסטן טייל באַשריבן אין די „ווילנער זאַמלביכער״ (1916—1918) און אין ווילנער „פּנקס״ (1922), וואו איך האָב געשריבן „איבערזיכטן״ און אויך וועגן שטערבלעכקייט און געבורטן ביי די ווילנער יידן. די צייט ווידער פֿון 1922 ביז איצט (1930) איז נאָך צו פֿריש, איך זאָל שרייבן וועגן זיך.

מער ניט לויטן וואונטש פֿון דער רעדאַקציע גיב איך איינצלנע ידיעות וועגן מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פֿאַר די לעצטע אַ יאָר:

פֿאָרזיצער פֿון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ (פֿון ערשטן טאָג ביז איצט); „אָרט״ (ביז 1925); „אָזע״ (איצט „טאָז״); פֿאָרזיצער אין דער ערשטער ווילנער דעמאָקראַטישער קהילה (1919—1920); ראַטמאַן אין ווילנער שטאָטראַט (1919—1927 און 1927 ביז איצט); סטנאַטאָר פֿון קיעלצער וואָיעוואָדשאַפט (1928—1930); פֿאָרזיצער פֿון דער דעמאָקראַטישער (שפּעטער אַלפּוילישער פֿאָלקיסטיש-דעמאָקראַטישער) פּאַרטיי; צוזאַמען מיט ה. ד. נאָמבערג, אַדוו. י. טשערניכאָוו און אַדוו. ע. פֿינקעלשטיין (קאָוונע)— דעלעגאַט אויף דער יידישער קאָנפֿערענץ אין ציריך (אויגוסט 1927); איינער פֿון דער רעדאַקציע-קאָלעגיע פֿונם „פֿרייען געדאַנק״ (1926—1927), וואו ס׳איז ברייט פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן דער געדאַנק פֿון דער נויטיקייט ראַדיקאַל איבערצובויען די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אויף פּראָדוקטיווע יסודות, דער עיקר דורך לאַנדווירטשאַפֿט; איינער פֿון די גרינדער פֿון דעם ווילנער יידישן צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט (צ. ב. ק.) און מיטגליד פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע (צ. י. ש. אָ.); איינער פֿון די גרינדער פֿון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ש. אַנ—סקי; פֿון דער ווילנער בילדונגס-געזעלשאַפֿט (ווילביג); פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייוו״א); ערנמיטגליד פֿון יידישן לערער-פֿאַריין (1918); ערנמיטגליד און וויצע-פֿאָרזיצער פֿון דער ווילנער מעדיצינישער געזעלשאַפֿט (1925 — צום 120-יאָריקן יובילעאום פֿון דער געזעלשאַפֿט); וויצע-פֿאָרזיצער און ריכטער פֿון דער ווילנער-נאָוואָרעדקער דאָקטוירים-קאַמער; פֿאָרזיצער פֿון ערנגעריכט ביים ווילנער דאָקטוירים-פֿאַראיין. צוזאַמען מיט משה שאַליט רעדאַקטאָר פֿון די צוויי בענדער „ווילנער זאַמלביכער״. מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע-קאָלעגיע פֿון ווילנער „פּנקס״; רעדאַקטאָר פֿון צווייוואָכיקן פּאָפּולער-וויסנשאַפֿטלעכן זשורנאַל פֿאַר היגיענע און מעדיצין „פֿאָלקסגעזונט״ (1923 — 1930). דעם צענטראַל-אָרגאַן פֿון „טאָז״—„אָזע״, מיטאַרבעטער פֿון יידישע צייטונגען (דער עיקר פֿון „ווילנער טאָג״), מחבר פֿון אַ ריי מעדיצינישע און פּאָפּולערע אַרטיקלען און בראָשורן.

וויטעבינגר. י.



EL AMIGO DEL PUEBLO

Concordia, Agosto 6 de 1891 Director—propietario Fernando G. Mendez Ano V—Numero 1039

NOTICIAS

INMIGRACION SEMITA

CONSULTANDO LA CONVENIENCIA DE ABRIR CORRIENTE AL PAIS

NUESTRA RESPUESTA

He aqui la carta que de Moscow se nos ha dirigido y la contestacion que se nos ocurre, sin exámen tranquilo, pues es sabido con la precipitacion con que hay que tratar estos asuntos en la prensa.

Sin embargo, como datos informativos creemos que son suficientes los conglomerados.

Reproducimos la carta traducida:

Moscow (Rusia) 9-21 de Junio de 1891. — Senor Director de EL AMIGO DEL PUEBLO — Concordia — Senor: Como consecuencia de las muchas restricciones decretadas contra los judios en Rusia, muchos de ellos se verán obligados á emigrar, siempre que esto les sea permitido por nuestro gobierno. En prevision de este caso probable, desenriamos tener informes sobre varians localidades de América, Africa y Australia en las que nuestros correlijionarios pudieran radicar, y por eso, senor, nos dirijimos á Vd. rogándole nos de una pronta contestacion á las pregunas que vames á formular.

Agradeceriamosle de ig al malera hiciera conocer esta carta de todas aquedas personas que estuvieran en condiciones de proporcionarnos esos datos referentes á los distintos lugares en cuestion; y somos, estimado senor, con profundo respeto, sus obligados y attos. S. S. — *Doctor Shabad*, Moscow-Rusia — *Arbatskoja*, Plotschad dom—*Segaloff*, Kw. nº 6.

צו דער אווטאָביאָגראַפיע פֿון ד״ר צ. שאַבאַד.

(ז. אייבן זייט 918)

דאָס איז דער בריוו, וואָס ד״ר שאַבאַד האָט געשיקט קיין אַרגענטינע און וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „על אמיגאָ דעל פּועבלאָ״ („פֿריינד פֿון פֿאָלק״, אַ גרויסע צייטונג אויף שפּאַניש, וואָס איז ערשינען אין דער אַרגענטינער שטאָט קאָנקאָרדיאַ אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס).

צום בריוו גייען אין דער צייטונג 10 פֿראַגן, אויף וועלכע ס׳וואָלטן געגעבן געניטע ענטפֿערס וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן און גוטע באַדינגונגען פֿון קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. דער בריוו מיט די פֿראַגן און ענטפֿערס פֿאַרנעמען אַ באַדייטנדן טייל פֿון דער ערשטער זייט פֿון דעם נומער צייטונג. די זייער אינטערעסאַנטע ענטפֿערס, וואָס האָבן ביי היינטיקן טאָג אַ היסטאָרישע באַדייטונג, זיינען איבערגעזעצט אויף רוסיש און זיינען אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדערן אַרטיקל אין „נעדיעלנאַיאַ כראָניקאַ וואָסכאָדאַ״ (פּעטערבורג, 20 אָקטאָבער 1891, נומ׳ 15) אונטערגעשריבן Th. Sh. (טיאָדאָר שאַבאַד). די איבערזעצונגען האָט געמאַכט דער לעקטאָר פֿון שפּאַניש ביים מאָסקווער אוניווערסיטעט ה׳ מאָלם.

דער בריוו מיט די פֿראַגן און ענטפֿערס האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווייל ער געהערט צו די ערשטע אָנהייבן פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. אין צווייטן ענטפֿער ווערט געזאָגט: „אין דער אַרגענטינער רעפּובליק איז ביז איצט ניט געווען קיין ערנסטע רוסיש-סעמיטישע עמיגראַציע. באַראָן הירש איז איצט פֿאַרנומען מיט קאָלאָניזירן גרויסע טעריטאָריעס אין אַרגענטינע דורך יידישע עמיגראַנטן״.

דער באַטרעפֿנדער נומער פֿון דער שפּאַניש-אַרגענטינער צייטונג געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון ייוו״א אין ווילנע.

רעד.

אברהם פעקלער

ביבליאָגראַפיע

אַרטיקלען און ביכער וועגן ווילנע און פּראָווינץ
אין די יאָרן 1919—1929

די ביבליאָגראַפֿישע רשימה נעמט אַרום דעם פּעריאָד פֿון 1-טן יאַנואַר 1919 ביז דעם 1-טן יאַנואַר 1930. זי ברענגט, חוץ ביכער, די **וויכטיקערע** אַרטיקלען, נאָטיצן און קאָרעספּאָנדענציעס פֿון דער **ווילנער יידישער טאָג-פּרעסע**, וועלכע ס'איז געווען מעגלעך צו באַקומען אין סטראַשון-ביבליאָטעק, אין דער ביבליאָטעק פֿון „מפיצי השכלה" און אין דעם אַרכיוו און ביבליאָטעק פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. די ביבליאָגראַפֿיע נעמט אַרום נאָר די ליטעראַטור אויף **יידיש**, וואָס האָט דער עיקר אַ שייכות צום **מצב** אין ווילנע און פּראָווינץ אין די אָנגעריסענע 11 יאָר צייט.

כדי איינצושפּאָרן פּלאַץ זיינען געבראַכט געוואָרן איניקע טעכנישע פֿאַרקירצונגען: וואו ס'ווערט געזאָגט „פנקס" ווערט געמיינט דער פנקס פֿון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ש. אַנ—סקי, ווילנע 1922 (תרפ"ג); „לעבן" ווערן געמיינט די העפֿטן פֿון צייט צו צייט פֿאַר ליטעראַטור, קונסט און פּובליציסטיק אונטער דער רעדאַקציע פֿון משה שאַליט, ווילנע 1923; „אונזער הילף" — אָרגאַן פֿון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאַ" אין ווילנע, 1921—1924 (רעדאַקטאָר משה שאַליט, אַרויסגעבער נתן קאַוואַרסקי); וועגן דער פּרעסע פֿאַר די יאָרן 1919—1921 ז. דעם אַרטיקל פֿון א. י. גאָלדשמידט אין פנקס פֿון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט.

אין די קאַנטיקע קלאַמערן ווערן געגעבן אָנמערקונגען אין די פֿאַלן, ווען צום נאָמען פֿון אַרטיקל אָדער בוך האָט זיך געפֿאָדערט אַ געוויסע אויסטייטשונג.

אַ ריי אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין די יאָרן 1919—1921 און זיינען לויט זייערע היסטאָריש-טעמעס אַריינגעשטעלט אין באַשטימטע אָפּטיילונגען, קענען אויך טיילווייז געהערן צו דער ערשטער אָפּטיילונג. אויך איניקע אַנדערע אַרטיקלען קענען געהערן גלייכצייטיק צו פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען.

רעד.

I. מלחמה-יאָרן, אָקופּאַציעס און מהומות.

אַבראַמאָוויטש הירש. די דייטשן אויף די ערשטער — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 205—233; זכרונות פֿון די אַפּריל-טעג — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 325—337; וועגן איינשטעלן נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן די פֿעלקער אין אונזער קאַנט — „פריינד", 15 מערץ 1921, נומ' 57.

אַלצאַן. אויף די פֿרישע קברים [נאָכן פּאָגראָם] — „ייד. צייטונג", 9 מאַי 1919, נומ' 1; קישענעוו און ווילנע (געדאַנקען צו שלשים) — „ייד. צייטונג", 20 מאַי 1919, נומ' 19.

אַנ—סקי ש. אַ דרינגענדער חוב [וועגן פּאָגראָם אין אַפּריל 1919] — „אונזער פרייהייט" זאַמלה., ווילנע, 1919, ז' 10—14; יידישער מלחמה-גלייכווערטלעך — „טאָג", 30 מאַי, 1 יוני 1919, נומ' 19, 20.

באַלאַבאַן מ., פּראָפֿ. ווילנע בשעת דער מלחמה — „טאָג", 30 מאַי 1923, נומ' 23.

באַסטאָמסקי ש. פֿון דער יידישער פֿאָלקס-שאַפֿונג פֿאַר דער צייט פֿון מלחמה — „לעבן", ווילנע 1921, נומ' 9—10, ז' 47—51.

באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פֿון דער ווילנער קהילה פֿאַר דער צייט פֿון 1-טן יאַנואַר 1919 ביזן 15-טן אויגוסט 1920. ווילנע תרפ"א, 1921.

ביין. מעשה-לירע [קאָרעספּאָנדענץ] — „טאָג", 19 נאָוועמבער 1921, נומ' 264.

בילד פֿון גיהנום [וועגן וואַרניאַן] — „טאָג", 19 יוני 1919, נומ' 33.

בילצינסקי א. ווילנע אין ביטער — „צייט", 30 יוני 1921, נומ' 402.

בעקער י. נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 233—265.

גרווירעס י., ח. **לונסקי**. באַקאַנטמאַכונגען, פֿאַרשריפֿטונגען, דעקרעטן און באַפֿעלן — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 629—683.

גאָלדשמידט א. י. ווילנער נייע לעגענדעס — „ייד. צייטונג", 20, 29 יוני 1919, נומ' 35, 42; יעקס וועגן ליטע — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 337—383.

גאָרדאָן ש. די פּוילישע אָקופּאַציע און די יידן — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 279—325; דעקרעטן וועגן קאָראָבקע — „פריינד", 23 פֿעברואַר 1922, נומ' 29.

דער ביטערער גורל פֿון די אַרעסטירטע [אין די אַפּריל טעג] — „טאָג", 22 מאַי 1919, נומ' 12.

הונגער-קאַטאַסטראָפֿע אין ווילנע — „טאָג", 4 דעצעמבער 1919, נומ' 172.

הילף פֿאַר דער פּראָווינץ — „ייד. צייטונג", 6 יולי 1919, נומ' 48.

וואַלדמאַן נוען. מיטל-ליטע — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 384—409.

וואָלק י. פֿון דער פּראָווינץ: לאַנדוואַראָווע, טראָק, רודישעק, אָלקעניק, ווישנעווע, אָשמענע, אָלשאַן, נאָווע-ווילייסק א. א. — „ייד. צייטונג", 6, 24 אויגוסט 1919, נומ' 75, 90; 16, 18, 20, 21, 22 יאַנואַר 1920, נומ' 14, 15, 17, 18, 19.

ו. ב. די יידן צווישן די נאַציאָנאַליטעטן פֿון ווילנער קאַנט — „טאָג פֿאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 10—11.

ווינאַרסקי יעקב, ד"ר. די מלחמה פֿון גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס מיר האָבן געפֿירט מיט די דייטשן אין ווילנע (בלעטלעך זכרונות) — „די וואָך", ווילנע, 8 פֿעברואַר 1919, נומ' 4, זייטן 119—123; די באַציאונגען צווישן פּאָליאַקן און יידן אין ליטע — „ייד. צייטונג", 1, 2 יוני 1919, נומ' 20, 21; „גרויס-ווילנע" — „ייד. צייטונג", 5 יוני 1919, נומ' 22; די יידישע אַרבעטער און די דייטשע ממשלה אין ליטע — „ייד. צייטונג", 7, 13, 20, 23 יולי, 4 אויגוסט 1919, נומ' 49, 54, 60, 63, 74; ברויט און אַרבעט — „ייד. צייטונג", 19 מאַי 1919, נומ' 9; די פּוילישע און די באָלשעוויסטישע אָקופּאַציעס פֿון ווילנע אין דער צייט פֿון דער וועלט-מלחמה (זכרונות) — „לעבן" — העפֿט — „פֿון מלחמה-יאָרן", ווילנע 1922, ז' 51—102; ווילנע אין וועלט-קריג — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 41—67; צוואַנגס-אַרבעט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 67—81; אין שטורם (זכרונות פֿון די אָקופּאַציע-צייטן) פֿאַרלאַג ב. א. קלעצקין, ווילנע 1926, 286 ז.; אין גיהנום (זכרונות פֿון די דייטשע תפיסות בשעת דער וועלט-מלחמה). פֿאַרלאַג ב. א. קלעצקין, ווילנע 1927, 114 ז.

ווייסער א. אונזער צייט — „די וואָך", ווילנע, 17 יאַנואַר 1919, נומ' 2, ז' 63; די פּירושע פֿון זאַוואַלנע גאַס — „די וואָך", ווילנע, 17 יאַנואַר 1919, נומ' 2, ז' 63.

ווילנע פֿאַר די מלחמה-יאָרן (אַן אויסשטעלונג) — „טאָג", 27 אַפּריל 1920, נומ' 92.

ווילנער א. מיר מוזן קומען צו זיך — „טאָג", 9 מאַי 1919, נומ' 1.

ווי מ'האָט פֿאַרנומען נאָוואָ-סווענציאַן און נאָוואָגרודעק — „טאָג", 19 מאַי 1919, נומ' 9.

ז. מ. די דערנערונג פֿון דער ווילנער יידישער באַפֿעלקערונג — „ייד. צייטונג", 11 מאַי 1919.

חורבן קיידאַנאָוו — „טאָג", 16 סעפּטעמבער 1920, נומ' 181.

יאַכווער י., אַדוו. דער גירוש [זיינע אַנטוויקלונגס-פֿאַזן אין ווילנער קאַנט] — „אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 5—12, ז' 62—67.

ייבין י. ה. אין די טעג פֿון צער [וועגן די אַפּריל-טעג] — „ייד. צייטונג", 12 מאַי 1919, נומ' 3.

י. ל. אין די טרויער-טעג [וועגן די אַפּריל-טעג] — „ייד. צייטונג", 9 מאַי 1919, נומ' 1; שלשים [נאָך די אַפּריל-טעג] — „ייד. צייטונג", 21 מאַי 1919, נומ' 11.

יצחקי (י. וואָלף). רייזע-איינדרוקן (ווילנער-לידער ראַיאָן) 1. די באַציאונגען צווישן די שכנים; 2. הונגער — ווילנער געגנט — „ייד. צייטונג", 12 יולי, 15, 20 אויגוסט 1919, נומ' 53, 83, 84; בילדלעך פֿון פּראָווינץ — „ייד. צייטונג", 5 יאַנואַר, 7 מערץ, 13 אַפּריל 1920, נומ' 4, 52, 81; „אונזער פריינד", 10 פֿעברואַר 1921, נומ' 29; נעיונד (בילדלעך פֿון לעבן) — „פריינד", 27 אַפּריל 1921, נומ' 91.

כהן ד. נאַוואַרעדאַק [קאָרעספּאָנדענץ] — „טאָג", 9 סעפּטעמבער 1919, נומ' 104.

לונסקי חייקל. ווילנע אין יאָר תרע"ז — „די וואָך", ווילנע 1919, נומ' 1 ז' 26—28; נומ' 3 ז' 93—94; דער יקרות בעת דער דייטשער אָקופּאַציע (זכרונות) — „די נייע וועלט", ווילנע 1919, נומ' 3 ז' 81—86; דער הונגער און דער יקרות — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 109—133.

לעהמאן שמואל. די איינגעפאניטע מלחמה (א זאמלונג פון יידישע פאלקס-ווערטלעך, רמזים, גריזו, מעשיות און לעגענדעס, וואס זיינען געשאפן געווארן אין דער צייט פון קריג) — „לעבן" העפט „פון מלחמה-יארן", ווילנע 1922, ז' 1—28.

לעצטע געשעענישן אין ווילנע ביים אייזנבאן-קרייזל — „לעצטע נייס", ווילנע, 3 יאנואר 1919 נומ' 3; מ'האט גראבן קברים אין פאנעגערעוו — „טאג" 25 מאי 1919, נומ' 14.

מאראטאריום קאמיסיע אין ווילנע — „טאג", 30 יולי, 2, 3 אויגוסט 1919, נומ' 69, 71, 72.

מידר. וואס וואנט די פראווינץ? — „ייד. צייטונג", 15 יוני 1919, נומ' 30; וואס הערט זיך אין די שטעטלעך? — „ייד. צייטונג", 22, 30 יולי 1919, נומ' 62, 68.

מלמד ה. נאציאנאלע עקאנאמיק — „טאג", 29, 30 דעצעמבער 1919, נומ' 193, 194; די איכה-ניגונים פון דער יידישער ווירקלעכקייט — „טאג", 28 פעברואר 1920, נומ' 24.

נגישות אויף יידן, וואוינונגס-גרעבס, קלעפ, רוייבערייען — „טאג", 18, 19, 20 מאי 1919, נומ' 8, 9, 10.

ניגער ש. געמיראוו און סולטשין [א שייכות מיטן פאגראם] — „טאג", 18 יוני 1919, נומ' 33; ליטע און רוסלאנד — „די וואך", ווילנע 1919, נומ' 2 ז' 57—60; נומ' 3 ז' 88—90; נומ' 4 ז' 112—115.

נעמעזשער רציחה — „טאג", 9, 10 מאי 1921, נומ' 106—107.

נעמען פון די ווילנער ארעסטירטע יידן, פארשיקטע קיין ביאליסטאק — „טאג", 12, 13 מאי 1919, נומ' 3, 4.

סאלאמאן ש. פארשיידענע לידער און גימטריאות, וואס האבן א שייכות צו דער וועלט-מלחמה) — „לעבן", העפט „פון מלחמה-יארן", ווילנע 1922, ז' 105—108.

סווענציאנער א. סווענציאן [א קארעספאנדענץ] — „טאג", 17 פעברואר 1920, נומ' 41.

סמירין ש. באגריסונג פון די גבאים פון ווילנער שולן און קלויזן — „ייד. צייטונג", 2 פעברואר 1920, נומ' 23.

ספיוואק חיים, ד"ר. א בריוו צו יהואש וועגן ווילנע — „טאג", 22 אפריל 1920, נומ' 88.

ס—קי. ענוים פון לידער יידן — „טאג", 21 מאי 1919, נומ' 11.

ענסקי. דער סוף פון מיטל-ליטע — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 437—463; די פויליש-ליטווישע פינסקערהאנדלונגען — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 409—429; ווילנע אין זומער 1921 — „פנקס" 1922, ז' 429—437.

פאגראם-טומל אין ווילנע — „טאג", 3 יולי 1922, נומ' 909.

פאססער דאנע. די דראמע פון טאובע-רקזע — „ייד. צייטונג", 17 יוני 1919, נומ' 32.

פון שווארץ-בוך [צום חורבן אין ווילנער געגנט] — „ייד. צייטונג", 1919, נומ' 143, 145, 146, 149, 150.

פרום מ. 10 נאוועמבער 1918—19 אפריל 1919 — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 265—279.

פרטים וועגן די געשעענישן אין אלשאן — „פריינד", 18 יולי 1922, נומ' 165.

פרטים וועגן די עקסצעסן אין ווילנע — „פריינד", 4, 5, 6, 9, 10 יולי 1922, נומ' 153, 154, 155, 156, 157.

קרבנות פון די לעצטע געשעענישן, רשימה — „טאג", 9 מאי 1919, נומ' 1.

ר. א. בעשטימטע גלידער אויף דער פויליש-ליטווישער גרעניץ — „טאג", 31 יולי 1920, נומ' 177.

ראבינאוויטש א. נאווארעדאק [קארעספאנדענץ] — „ייד. צייטונג", 17 יולי 1919, נומ' 58.

ראזענפעלד ס. א חורבן אויף דורות [וועגן ווילנע] — „ייד. צייטונג", 30 אקטאבער 1919, נומ' 142.

רייזען ז. אוועק פון דער רוסיפיקאציע — „די וואך", ווילנע 1919, נומ' 1, ז' 20—23; די יידישע שפראך און די אקופאציע — „די וואך", ווילנע 1919, נומ' 2, ז' 61—62; הקדמה [צום ווילנער „פנקס"] — „פנקס", ווילנע 1922, ז' I—V.

רעגענסבורג יוסף, ד"ר. דער נייער פוילישער אוניווערסיטעט און די יידישע סטודענטישע יוגנט — „ייד. צייטונג", 1 אקטאבער 1919, נומ' 121.

רעזאלוציעס פון דער ווילנער קהילה וועגן די לעצטע געשעענישן [אפריל-טעג] — „טאג", 9 מאי 1919, נומ' 1.

רשימה פון די ביאליסטאקער ארעסטירטע — „טאג", 5 יוני 1919, נומ' 22.

שאבאד צ., ד"ר. ווילנע בעת דער וועלט-מלחמה און די אקופאציע — „טאג פאר אמעריקע", 1921, ז' 4—6; דער ווילנער אוניווערסיטעט און די יידישע מתים — „טאג", 3 פעברואר 1922, נומ' 330; איבערזיכט [ווילנע אין די יארן 1918—1922] — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 1—40.

שאליט משה. דאקומענטן (א. די ארגאניזירונג פון דאקומענטן און געביט פון אב-אסט; ב. די מיליטער-פארוואלטונג אין ליטע) — „לעבן", העפט „פון מלחמה-יארן", ווילנע 1922, ז' 20—48; וועגן דער מאראטאריום-קאמיסיע — „ייד. צייטונג", 10, 12 אויגוסט 1919, נומ' 78, 80; צו אלע ועדי-הקהילות און הילפס-קאמיטעטן — „טאג", 28 דעצעמבער 1919, נומ' 192; „ייד. צייטונג", 26 דעצעמבער 1919, נומ' 191; די ליידן פון יידיש אין אקופאציע-צייטן (זאמע [illegible] וזכרונות) — „ליט. בלעטער", ווארשע 1925, נומ' 39.

ש מ. וועגן ליטע — „ייד. צייטונג", 16, 23 מאי 1919, נומ' 7, 13.

שאפירא יונה. דער ווילנער שטאטראט — „טאג פאר אמעריקע", ווילנע 1921, ז' 51—53; די ווילנער זעלבסטפארוואלטונגען און די יידן — „פנקס", ווילנע 1922, ז' 113—545.

שוידערלעכע געשיכטעס פון ניעמענטשין — „טאג", 22 מאי 1919, נומ' 12.

שרעקלעכע הריגה אין עליאשעוונס הויף — „ייד. צייטונג" 8 יולי 1919, נומ' 50.

II. די פראווינץ אין די נאך-מלחמה-יארן.

אבראמאוויטש ג. אלשאן — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 7—8, ז' 23—24.

אגאס. סווענציאן (א בינטל איינדרוקן) — „טאג", 26 אפריל 1927, נומ' 96.

אין פאראבראדז און סווענציאן [קארעספאנדענץ] — „טאג", 27 יולי 1919, נומ' 66.

אין טראק — „טאג", 4, 7 אויגוסט 1923, נומ' 80, 82.

אלכסן. די פראווינץ און די גרויס-שטאט — „ייד. צייטונג", 26 מאי 1919, נומ' 15.

בן-יהודה. „באר און דעפוטאטס" אין נאוואגרודקער וואיעוואדסטווע [פאליטיש-געזעלשאפטלעכע אנגעלעגנהייטן פון דער שטאט] — „טאג", 29 אויגוסט 1920, נומ' 200.

בן-צבי. לידע [קארעספאנדענץ] — „ייד. צייטונג", 2 יולי 1919, נומ' 45.

בענדער א. ז. שוויר — „אונזער הילף", ווילנע 1922, נומ' 1—2, ז' 31; „אונזער הילף", 1921, נומ' 9—12, ז' 75—76.

גאלאמב א. אין א קליינעם שטעטל — „טאג", 25 אקטאבער 1922, נומ' 1004.

גינזבורג א., ד"ר. די שטומע עדות פון מענטשלעכער ווילדקייט — א באזוך אין סמארגאן — „טאג", 17 אקטאבער 1926, נומ' 236.

געלמאן זלמן. דרויע — „אונזער הילף" ווילנע 1921, נומ' 9—12, ז' 74—75.

Gerwus. לידער קוריאזן — „טאג", 21 סעפטעמבער 1924, נומ' 242.

גר. פון נאווארעדאק — „טאג", 10 דעצעמבער 1926, נומ' 283.

ד'. גרויס-ווילייקע [קארעספאנדענץ] — „ייד. צייטונג", 16 יולי 1919, נומ' 57.

דעלהינאוו [קארעספאנדענץ] — „טאג", 5 יאנואר 1921, נומ' 4.

די שריפה אין איוויע — „טאג", 20, 21 מאי 1929, נומ' 116, 117.

הורוויטש א. איבער דער פראווינץ — „טאג", 11 אפריל, 15 מאי 1924, נומ' 83, 111.

הורוויטש העשל. נאווא-סווענציאן — „אונזער הילף", ווילנע 1922, נומ' 8—10, ז' 16—18.

וואלק י. ליבאוויטש — „אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 5—12, ז' 34—38.

ווייגרייך מאקס. אין די יידישע שטעטלעך — „טאג", 17, 18 אויגוסט 1924, נומ' 193, 194.

זילבערמאן ח., ד"ר. פון מאלארעטשנא קיין קורעניץ — „טאג", 14 יוני 1925, נומ' 110.

חיימקע. איבער דער פראווינץ (נאווארעדאק, סלאנים, לידע, סווענציאן, ווילייקע, קורעניץ, דיסנע) — „אונזער געדאנק", ווילנע, 17 פעברואר, 24 מערץ 1923, נומ' 7, 11.

יורלס א. די אמאליקע קרעטשמער רייזע-בילדער איבער אונזערע יידישע שטעטלעך — „טאג", 22 דעצעמבער 1925, נומ' 271.

י—ס א. די ליבע פראווינץ — „טאג", 30 מאי 1921, נומ' 124.

יעקב. וואלאזשין [קארעספאנדענץ] — „טאג", 16 פעברואר 1920, נומ' 40.

לעווין אלטער. לעבעדעווע. דאס שטעטל זיינע אנשטאלטן און געזעלשאפטלעכקייט — „אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 1—2, ז' 31—43.

—ן ס. אין דער ליבער פראווינץ (ראקאוו) — „טאג", 4 אויגוסט 1923, נומ' 80.

סאראבסקי ב. צייטס קיין סמארגאן — „טאג", 19 יולי 1923.

ס—ר א. אין סלאנים צו גאסט — „טאג", 3 אקטאבער 1923, נומ' 124.

ס. מ. בריוו פון דער פראווינץ (פאראבראדז, דונילאוויטש, ניי-סווענציאן, האראדישטש, ראקישק א. א.) — „טאג", 18 אפריל, 4 מאי, 1, 9 יוני 1924, נומ' 90, 105, 129, 134.

פינסקער א. פראווינץ — גאר ווי אין מיטלאלטער — „אונזער צייט", 10 יוני 1922, נומ' 21.

צינציננאטוס א. פון ווילנע ביז דאדאשקעוויטש (איינדרוקן פון א קורצער נסיעה) — „צייט", 4 מאי 1928, נומ' 696; ארום וועג קיילינגמיאן — „צייט", 20, 21 אויגוסט 1927, נומ' 1091, 1092.

קרמער ז. איבער די שטעטלעך און דערפער פון די קרעסן — „טאג", 10, 11 אקטאבער 1926, נומ' 230, 231; מעשיות פון ראקשוי — „טאג", 14, 15 אקטאבער 1926, נומ' 234, 235.

קליאנסקי א. פון צפון-מזרחדיקן ראיאן (ווידזי-יעסע, דרויע, דיסנע, לוזשקי, שארקאוו-שטשיזנע, גלובאקע און זירווינישעק) — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 3, ז' 6—11.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

ק. א. ווידז — „אונזער הילף", 1922, נומ' 1—2, ז' 33—34; ריקסס. ווידז. גלובאָקע ־ספּריזענלעכע באַזוכן אין די יתומים־פֿאַמיליעס — „אונזער הילף", 1923, נומ' 5—12, ז' 23—33.

רובין י. פֿון אַ חורבן־שטאָט (בריסק) — „אונזער הילף", 1922, נומ' 8—10, ז' 18—21.

רייזען ז. אונזער פּראָווינץ — „טאָג", 3 נאָוועמבער 1923, נומ' 152.

שאַליט משה. אַ באַזוך אין בריסק ליטאָ — „אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 1—2, ז' 43—47; אונזער איצטיקע יעגעריקע ווילנע (לויט די בילדער פֿון אַלמאַנאַך) — „ייד. ווילנע אין וואָרט און בילד", ווילנע 1925, ז' 5—6.

שאַפּיראַ י. נאָוואָגרודעק — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 4—5, ז' 24; נומ' 6, ז' 25—29.

III. די עקאָנאָמישע לאַגע.

אַ בינטל ייִדישע צרות אין ווילנע. דער חורבן פֿון ייִדישן מיטלשטאַנד — „צייט", 21 פֿעברואַר 1926, נומ' 38.

אַ וויי־געשריי פֿון ייִדישע שטעטלעך — „טאָג", 21 יולי 1919, נומ' 21.

אַקין י. געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט פֿאַר אַרבעטסלאָזע — „טאָג", 9 יולי 1919, נומ' 51.

בן־צבי. דער אונטערגאַנג פֿון קליינשטעטל — „צייט", 1 דעצעמבער 1924, נומ' 226.

גאָלדמין, לוריק און וויסן. וועגן דער לאַגע פֿון די ייִדן אין פּוילן [ספּעציעל — אויך וועגן ווילנע] — „טאָג", 13 יוני 1926, נומ' 134.

ר—ס. די גזירה פֿון טאַבאַק־מאָנאָפּאָל אין ווילנע — „טאָג", 7 מאַי 1924, נומ' 107.

דער חורבן אין די שטעטלעך — „טאָג", 27 יולי 1920, נומ' 167.

האַלפּערן ב. וואָס קען ראַטעווען אונזער ווירטשאַפֿטלעכע לאַגע — „טאָג", 1 אָקטאָבער 1926, נומ' 202.

הונגער אין ווילנער פּראָווינץ — „טאָג", 7 מאַי 1929, נומ' 104.

וויעלמאַן ב. די עקאָנאָמישע לאַגע אין ווילנע — „טאָג פֿאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 15—16.

וויינגאַרטסקי יעקב, ד״ר. די מלוכה־מאָנאָפּאָלן און די ייִדישע אַרבעטער — „צייט", 4 יאַנואַר 1926, נומ' 556; ניטאָ ווער זאָל העלפֿן ייִדישע אַרבעטסלאָזע אַרבעטער — „צייט", 11 יאַנואַר 1926, נומ' 3.

זינגער י. י. בילדער פֿון הונגער און נויט (די הײַנטיקע ייִדישע ווילנע) — „טאָג", 17, 14, 21, 22 מערץ 1926, נומ' 65, 66, 68, 69.

זינגער בערנאַרד. ווילנע — די טויטע שטאָט — „טאָג", 11 יולי 1927, נומ' 158.

חורבן אין קרעניק — „צייט", 18 יוני 1925, נומ' 392.

טשאַרני ד. מען וויל אַנטלויפֿן; און מען קען ניט. ווילנע — „טאָג", 5 יולי 1929, נומ' 155.

יאַכעלמאַן, ד״ר. וועגן דער לאַגע פֿון די ייִדן אין ווילנע — „צייט", 11 יאַנואַר 1927 נומ' 304.

יצחקי (י. וואָלק). עקאָנאָמישע לאַגע אין ווילנער געגנט און די איבערוואַנדערונג — „די ייִדישע עמיגראַציע", בערלין, מערץ 1929, „טאָג", 15, 17 מערץ 1929, נומ' 64, 65.

כאַווקין מ. ווידער אַ וויי־געשריי פֿון ייִדישן שטעטל — „טאָג", 12 אָקטאָבער 1925, נומ' 210.

לאַקערמאַן ש. ראַטעוועט דאָס ייִדישע שטעטל — „טאָג", 11 דעצעמבער 1925, נומ' 262.

ליאַצקי ו. וועגן דער פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע אין ווילנע — „צייט", 15 דעצעמבער 1925, נומ' 539.

ליקווידאַציע פֿון דער טאַבאַקן־פּראָדוקציע אין ווילנע — „טאָג", 5 יוני 1924, נומ' 133.

ל—ן י. מ. די דרינגענדסטע נויטן פֿון ייִדישן שטעטל — „טאָג", 30 יוני 1926, נומ' 140.

לעשטשינסקי יעקב. ווי לעבן זיך איצט די ייִדן אין ווילנע — „צייט", 19, 21, 22, 23 יוני 1927, נומ' 434, 436, 437, 438; חורבן ווילנע — „ווירטשאַפֿט און לעבן", בערלין 1928, נומ' 2, ז' 11—20, נומ' 3, ז' 13—25, 1929 — נומ' 1, ז' 27—45; „טאָג", 4 יאַנואַר 1929, נומ' 4.

מאַלאַסער א. פֿאַר העלפֿן אויפֿבויען ווילנע — „טאָג", 24 דעצעמבער 1919, נומ' 189.

פּלמר ה. עקאָנאָמישע נאָטיצן — „אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 3—4, ז' 28—31.

נאָענטער א. אַ ביסל פּראָווינץ — „טאָג", 11 מערץ 1924, נומ' 112.

עקאָנאָמישער חורבן אין די ייִדישע גרעניץ־שטעטלעך — „טאָג", 9 אויגוסט 1924, נומ' 186.

פּאַט יעקב. מעשהלעך פֿון ווילנער נויט — „טאָג", 28 יאַנואַר 1921, נומ' 24.

פֿעבער רפֿאל. עקאָנאָמישע ירידה אין שטעטל — „צייט", 11 יולי 1928, נומ' 753.

פֿרידמאַן א. די לאַגע פֿון דער באַקליידאינדוסטריע אין ווילנע — „טאָג", 22, 23 אָקטאָבער 1928, נומ' 243, 244.

צאַדישין. די ייִדישע אַרבעטסלאָזיקייט — „טאָג", 12 יולי 1925, נומ' 134.

צינצינאַטוס א. אונזער פֿאַרערעמטער ווילנער קאַנט — „צייט", 28 יאַנואַר 1929, נומ' 921; דער ווירטשאַפֿטלעכער חורבן אין ווילנער קאַנט — „צייט", 22 מערץ 1929, נומ' 967; די ווירטשאַפֿטלעכע ירידה פֿון ווילנער קאַנט — „צייט", 24 אַפּריל, 24 מאַי 1929, נומ' 995, 1017; דער אויפֿגעשרויפֿטער בודזשעט פֿון דער שטאָט ווילנע. פּרויעקטן ציפֿערן — „צייט", 28 מאַי 1929, נומ' 1020.

צפֿון־יריד אין ווילנע — „צייט", 21, 22, 25, 30 אויגוסט 1928, נומ' 787, 788, 790, 796.

קאַנאַוויטש משה. חורבן איוויע — „צייט", 24, 26 מאַי 1929, נומ' 1017, 1018; „טאָג", 29 מאַי 1929, נומ' 124; אַ שוץ דעם שטעטל — „צייט", 26 יוני 1929, נומ' 1044.

קאַצאַן ש. אַ שוץ דער אַרבעטסלאָזיקייט — „טאָג", 17 סעפּטעמבער 1925, נומ' 193.

ראַפּעס י., ד״ר. וועגן הילף פֿאַר אַרבעטסלאָזע אין קראַנקן־קאַסע — „טאָג", 11 אויגוסט 1924, נומ' 188.

רעגניז. הינגער, הונגער אין ווילנער געגנט — „טאָג", 22 מאַי 1929, נומ' 118.

שאַפּיראָ יונה. „עקאָנאָמישע" נאָטיצן — „טאָג", 11, 18, 22 יוני 1926, נומ' 133, 139, 142; דער חורבן גייט — „טאָג", 25, 27 אויגוסט, 1 סעפּטעמבער 1924, נומ' 200, 202, 206.

IV. קאָאָפּעראַציע.

אַבראַמאָוויטש הריך. אַלטענער לײַ־און שפּאַר־קאַסע — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 7—8, ז' 26.

אין קאָאָפּעראַטיוו „זשמודסקי ריאָן" — „טאָג", 7 סעפּטעמבער 1919, נומ' 102.

אין קאָאָפּעראַטיוו „טרוזשעניק" — „טאָג", 7 יוני 1920, נומ' 124.

אַלגעמיינע יערלעכע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־באַנק — „טאָג", 24, 25 מאַי 1926, נומ' 117, 118.

אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ייִדישער קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקס־באַנק (פּראָטאָקאָל) — „אונזער הילף", ווילנע 1921. נומ' 1—2, ז' 28—40.

פֿון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטאָר. צוויי יאָר אַרבעט (וועגן די ווילנער פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון) — „דאָס פֿרייע וואָרט", ווילנע, 18 יוני 1921, נומ' 22.

אַקין י., פּינוס. פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון — „טאָג", 26 מאַי 1919, נומ' 15; די ווילנער קורסן פֿאַר קאָאָפּעראַציע, געגרינדעט פֿון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 1—2, ז' 21—24; באַריכט פֿון די ווילנער אַרבעטער־פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציעס פֿאַר דעם ערשטן יאָר פֿון 15 יוני 1919 ביז דעם 1 יולי 1920, ווילנע 1920, 40 ז.; פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון דער פּראָדוקציר־ווערקשטאַטן, ווילנע 1920, 31 ז.

ב. די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ייִדישער באַנק — „טאָג", 24 יוני 1920, נומ' 139.

באַריכט פֿון די ווילנער פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון (פֿאַר די ערשטע 6 אַ האַלב חדשים) — „טאָג", 19, 20, 28 פֿעברואַר 1920, נומ' 48, 49, 51.

גאַלבאַרישסקי מ. וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער אַפּטייק אין סמאָרגאָן — „פֿרײַנד", 23 יאַנואַר 1921, נומ' 15; וועגן אַפּטייקן בכלל און קאָאָפּעראַטיווע בפֿרט — „פֿרײַנד", 7 פֿעברואַר 1921, נומ' 26; קאָאָפּעראַטיווע אַפּטייקן — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 3, ז' 11—13; די גרינדונג פֿון קאָאָפּעראַטיווע אַפּטייקן — „אונזער הילף", 1921, נומ' 4—5, ז' 11—13.

ג. ש. פֿאָלקס־באַנק — „ייד. צײַטונג", 18, 19 נאָוועמבער 1919, נומ' 158, 159.

ד. א. אין די ווילנער אַרבעטער־פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון — „אונזער געדאַנק", ווילנע, 10, 17 מערץ 1923.

דער 5־יאָריקער יובל פֿון די ווילנער פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון — „טאָג", 4 סעפּטעמבער 1934, נומ' 209.

דריי יאָר פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון — „אונזער צייט", ווילנע, 1 יולי 1922, נומ' 24.

האַלפּערן ב. די ווילנער לײַ־און שפּאַר־קאַסע — „פּנקס", ווילנע 1922, ז' 845—849; די קאָאָפּעראַציע אין אונזער קאַנט פֿריער און איצט — „טאָג", 8 יוני 1928, נומ' 132.

ווילנער א. די צווייטע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון קאָאָפּעראַציון פֿאָלקס־באַנק אין ווילנע — „פֿרײַנד", 5 אַפּריל 1921, נומ' 75.

ווילנער אַרבעטער פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון — „טאָג פֿאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 34—35.

ווילנער פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון פֿאַר די ערשטע צוויי יאָר (1919—1921) — „פּנקס", ווילנע 1922, ז' 839—845.

ולמן. דער ערשטער ייִדישער אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו אין ווילנע — „טאָג", 27 דעצעמבער 1928, נומ' 300.

ייִדישע באַנק אין ווילנע (צו איר 25 יאָריקן יובל) — „טאָג", 21 אָקטאָבער 1923, נומ' 139.

י—ף. אין קאָאָפּעראַטיוו „אַרבעטער" — „טאָג", 26 יוני 1919, נומ' 40, 7 יוני 1920, נומ' 124.

כאַרלאַש י. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג בײַ ייִדן אין ווילנע און אומגעגנט (מעמאָראַנדום) „אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 9—12, ז' 10—19; צו דער פֿראַגע וועגן די ווילנער פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַציון — „דאָס פֿרייע וואָרט", ווילנע, 24 סעפּטעמבער 1921, נומ' 29.

ב. י. וואו נעמט מען קרעדיט? — „טאָג", 21 נאָוועמבער 1924, נומ' 263.

ל—ן ח. וועגן דער פֿינאַנציעלער לאַגע פֿון דער ווילנער קאָאָפּעראַציע — „ייד. צײַטונג", 27 מאַי 1919, נומ' 16; דער ייִדישער באַנק — „ייד. צײַטונג", 25 יולי 1919, נומ' 65; צו דער עפֿע־

גונג פֿון יידישן קאָאָפּעראַציון קליינהענדלער־באַנק אין ווילנע — „פֿריינד“, 13 אויגוסט 1922, נומ׳ 187.

לעווין יצחק. לעבעדיגע (די טעטיקייט פֿון פֿאָלקס־באַנק) — „אונזער הילף“. ווילנע 1922, נומ׳ 5—6, ז׳ 22—24.

מיסגליד א. די יידישע באַנק — „טאָג“, 5, 14 מײַ 1919, נומ׳ 5; וועגן קאָאָפּעראַטיווע „אַרבעטער“ — „טאָג“, 26 יולי 1919, נומ׳ 65.

מלמד ח. די יידישע קאָאָפּעראַציע — „טאָג“, 8, 13, 28 יולי 1919, נומ׳ 50, 54, 67; קרעדיט פֿאַר קאָאָפּעראַציע — „טאָג“, 5 דעצעמבער 1919, נומ׳ 173; צום קאָאָפּעראַטיוון צוזאַמענפֿאָר — „טאָג“, 30 מערץ 1921, נומ׳ 76; „ווי דאַרף מען גרינדן און פֿירן אַ ליי־ און שפּאָר־קאַסע“ — פֿון ב. האַלפּערין — „טאָג“, 16 סעפּטעמבער 1921, נומ׳ 217; אַ צענטראַל־ביוראָ פֿאַר קאָנסום־פֿאַראײַנען — „אונזער הילף“, 1921, נומ׳ 1—2, ז׳ 24—25; ווי דאַרף מען בויען אַ קאָאָפּעראַטיוו — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 4—5, ז׳ 20—23; יידישע קאָאָפּעראַציע אין ווילנע — „פּנקס“, ווילנע 1922, ז׳ 701—715.

סעבאַניק י. די אויפֿקלערונגס־אַרבעט אין אונזערע ליי־ און שפּאָר־קאַסעס — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 7—8, ז׳ 19—20.

N. די עפֿענונג פֿון דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקס־באַנק — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 4—5, ז׳ 47—49.

עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די יידן אין פּוילן און די יידישע קאָאָפּעראַציע (אַרטיקלען און מאַטעריאַלן) אונטער דער אַלגעמײנער רעדאַקציע פֿון משה שאַליט [צווישן אַנדערע אויך וועגן ווילנע. אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרבאַנד פֿון יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטן אין פּוילן, ווילנע 1926, 141 ז.

פֿאַרבאַנד פֿון די ווילנער קאָאָפּעראַציון — „טאָג“, 29 יולי 1919, נומ׳ 68.

פֿון גמילות־חסד „דבורה־אסתּר“ — „טאָג“, 21 יולי 1925, נומ׳ 922.

פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוון פֿאַרבאַנד — „אונזער הילף“, ווילנע 1923, נומ׳ 5—12 ז׳ 54—62.

פֿראַנק ה. דער עקאָנאָמישער אויפֿבוי פֿון דער ווילנער פּראָווינץ. א) ווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַציע, ב) קרעדיט־קאָאָפּעראַציע און פֿאַרקויפֿס־קאָאָפּעראַציע, ג) קאָנסום־קאָאָפּעראַציע — „ייד. צײַטונג“, 19, 20, 22 מײַ 1919, נומ׳ 8, 9, 10.

צווייטע פּלענאַרע זיצונג פֿון אָרגאַניזיר־ביוראָ פֿון די ליי־ און שפּאָר־קאַסעס אין ווילנער געגנט — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 7—8, ז׳ 27—28.

צוזאַמענפֿאָר פֿון די ליי־ און שפּאָר־קאַסעס אין ווילנע — „פֿריינד“, 30 מערץ, 3, 4 אַפּריל 1921, נומ׳ 71, 73, 74; „טאָג“, 31 מערץ, 1 אַפּריל 1921, נומ׳ 77, 78.

צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע יידישע פֿאָלקס־באַנק אין ווילנע. וואָס איז אויפֿגעטאָן געוואָרן אויפֿן געביט פֿון קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין ווילנער און נאָוואָגרודקער געגנט — „צײַט“, 22 אָקטאָבער 1926.

קאָאָפּעראַטאָר א. געברויכס־קאָאָפּעראַטיוו — „ייד. צײַטונג“, 11 יוני 1919, נומ׳ 27.

קאָאָפּעראַציון־צוזאַמענפֿאָר — „צײַט“, 5 אויגוסט 1926, נומ׳ 132.

קאָוואַרסקי נ. צו דער פֿראַגע וועגן ליי־ און שפּאָר־קאַסעס — „אונזער הילף“, 1921, נומ׳ 6, ז׳ 12—14; צום מצב פֿון די חשבונות פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקס־באַנק — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 9—12, ז׳ 22—33; באַמערקונגען צום אַלגעמײנעם באַלאַנס פֿון די פֿאָלקס־באַנק אין ווילנער געגנט — „אונזער הילף“, ווילנע 1923, נומ׳ 5—12, ז׳ 46—47;

קאָנפֿערענצן פֿון ליי־ און שפּאָר־קאַסעס — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 1—2, ז׳ 9—13.

קאַפּלאַן פּסח. די יידישע פֿאָלקס־באַנק אין פּראָווינץ — „טאָג“, 8 נאָוועמבער 1926, נומ׳ 255.

קליים ש. קינדער־היימען אין אָרגאַניזיר־קאָאָפּעראַציון — „טאָג“, 25 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 164.

קליינהענדלער א. די יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק פֿאַר די קליינהענדלער — „טאָג“, 14 אויגוסט 1922, נומ׳ 915.

קריוואָוסקי יעקב. וועגן קאָאָפּעראַציון — „ייד. צײַטונג“, 28 יולי 1919, נומ׳ 67.

שאַפּיראָ יונה. אונזערע געזעלשאַפֿטלעכע באַנק — „טאָג“, 3 אַפּריל 1923, נומ׳ 1139; די גרויסע בהלה. 1) אונזער עקאָנאָמישער קריזיס אין דער עמיגראַציע־פֿיבער, 2) אונזערע געזעלשאַפֿטלעכע באַנק און די פּריוואַטע — „טאָג“, 1, 3, 9 מײַ 1921, נומ׳ 102, 104, 110.

שוואַרץ י., אינזש. לאַחרים־קרעמער און קאָאָפּעראַציון — „ייד. צײַטונג“, 3 אויגוסט 1919, נומ׳ 72.

שטיינגאָלד חיים. נאָוואָ־סווענציאַנער ליי־ און שפּאָר־קאַסע — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 7—8, ז׳ 27.

V. אַמעריקאַנער הילף.

א. די טעטיקייט פֿון יידישן הילפֿס־קאָמיטעט — „טאָג“, 9 מערץ 1920, נומ׳ 57.

אַ בריוו פֿון ווילנער רעליעף־קאָמיטעט — „טאָג“, 3 מערץ 1926, נומ׳ 54.

אַ ווײַ־געשריי פֿון די כאָלער יידן צו זייערע ברידער אין אַמעריקע — „טאָג“, 31 אויגוסט 1920, נומ׳ 96.

אַ ווענדונג פֿון די ווילנער אַרבעטער צו די אַרבעטער אין אַמעריקע — „טאָג“, 31 יאַנואַר 1920, נומ׳ 26.

אויפֿרוף פֿון אַרבעטער־הילפֿס־קאָמיטעט צו אַלע יידישע אַרבעטער אין ווילנע — „טאָג“, 12 פֿעברואַר 1921, נומ׳ 36.

אידל. אַ באַזוך אין הילפֿס־קאָמיטעט — „צײַט“, 2 פֿעברואַר 1927, נומ׳ 323.

אַלוועלטלעכע הילף־קאָנפֿערענץ — „ייד. צײַטונג“, 1 יוני 1920, נומ׳ 120.

אַמעריקאַנער פּראָדוקטן — „טאָג“, 21 יולי 1919, נומ׳ 61.

באַגין שלמה. גיוואַקע ודי הילף פֿון די אַמעריקאַנער רעלעגאַטן — „אונזער הילף“, 1921, נומ׳ 3, ז׳ 16—17.

באָגען ב., ד״ר. וועגן דער אַמעריקאַנער הילפֿס־אַרבעט — „טאָג“, 11 יולי 1921, נומ׳ 165.

באַגריסונג פֿון ד״ר באָגען מיט די פֿאָרשטייער פֿון די היגע אָרגאַניזאַציעס — „טאָג“, 25 מערץ 1920, נומ׳ 57.

ג. א. די אַמעריקאַנער הילפֿס־אַקציע פֿאַר אונזער קאַנט — „טאָג“, 1 אַפּריל 1920, נומ׳ 77.

גאָלדינג מאַקס. אַ בריוו פֿון ווילנער רעליעף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק — „טאָג“, 21 סעפּטעמבער 1921, נומ׳ 230.

געשיכטע פֿון ווילנער בראַנטש 367 אַרבעטער־רינג. זײַנע פֿאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייטן אין די 20 יאָר פֿון זײַן עקזיסטענץ — „דער ווילנער“, ניו־יאָרק 1929, ז׳ 87—91.

גראָדזענסקי חיים־עוזר. אויף וועלכע צוועקן [וועגן „ווילנער הילפֿס־קאָמיטעט“] — „טאָג“, 26 דעצעמבער 1919, נומ׳ 191; ווענדונג צו די ווילנער לאַנדסלײַט — „טאָג“, 9 מײַ 1926, נומ׳ 106.

ד׳. די אַמעריקאַנער הילף — „ייד. צײַטונג“, 26, 27, 28 פֿעברואַר 1921, נומ׳ 71, 72, 73.

הילפֿס־אַרבעט פֿון אַמעריקאַנער יידנטום — „טאָג“, 12, 13 דעצעמבער 1919, נומ׳ 179, 180.

הירשפֿעלד איזראַ. איבער די אַנקעטע וועגן דער אַמעריקאַנער הילף — „טאָג“, 30 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 169.

ה—ן י. ב. דער שווינדל מיט די געלט פֿון אַמעריקע — „טאָג“, 11 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 152.

ווי אַזוי כ׳פֿאַרטיילט די אַמעריקאַנער פּראָדוקטן — 9 דעצעמבער 1919, נומ׳ 176.

ווינאַרסקי יעקב, ד״ר. איבער דער אַנקעטע וועגן דער אַמעריקאַנער הילף — „טאָג“, 23 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 162.

ז. דער יריד אַרום דער אַמעריקאַנער הילפֿס־אַקציע — „טאָג“, 24 יאַנואַר 1926, נומ׳ 20.

זיצונג פֿון קאָמיטעט ק. פּ. ד. — „טאָג“, 5 דעצעמבער 1919, נומ׳ 173.

זיצונג אין ק. פּ. ד. — „פֿריינד“, 27 מערץ 1921, נומ׳ 67.

טאַמאַרין ה. די אַמעריקאַנער שפּיצע — „טאָג“, 2 אַפּריל 1926, נומ׳ 77; די רײַסערײַ אַרום דעם הילפֿס קאָמיטעט — „טאָג“, 10 סעפּטעמבער 1926, נומ׳ 209.

ישורין יעקב. וועגן דער טעטיקייט פֿון דעם ווילנער רעליעף־קאָמיטעט — „טאָג“, 12 אויגוסט 1926, נומ׳ 186.

כ״ץ א. ק. פּ. ד. — „ייד. צײַטונג“, 11 מערץ 1920, נומ׳ 56; ק. פּ. ד. — „פֿריינד“, 9 פֿעברואַר 1921, נומ׳ 28.

כ״ץ משה. ווי זאָל די אַמעריקאַנער הילף צעטיילט ווערן — „טאָג“, 21 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 161.

ל. א. נאָכן דאָלער [וועגן פּיפּלס־רעליעף] — „אונזער געדאַנק“, 20 אָקטאָבער 1923, נומ׳ 82.

ל. א. די „אַקטיוויטעט“ פֿון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן — „פֿריינד“, 5 מײַ 1921, נומ׳ 95.

ח — L. די שלוחים פֿון ווילנער רעליעף (אַ געשפּרעך מיט ד״ר האָכמאַן [צבֿיון])— „פֿריינד“, 19 אַפּריל 1921, נומ׳ 86.

מ. נגישׂית פֿון ק. פּ. ד. קעגן די יידישע אַנשטאַלטן — „טאָג“, 16 נאָוועמבער 1921, נומ׳ 262.

מאַגנעס י. ל., ד״ר. אין ווילנע — „טאָג“, 4 אויגוסט 1922, נומ׳ 937.

מרמר ק. די אַמעריקאַנער הילף — „טאָג“ 17 יוני 1920, נומ׳ 143.

נאָוויק פּ. „אַמעריקאַנער הילף“ — „טאָג“, 31 אָקטאָבער, 7 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 143, 149.

נײַמאַן י. דאָס אַמעריקאַנער געלט — „טאָג“, 23, 25 מײַ 1919, נומ׳ 13, 14.

נײַע גזירות פֿון דעם הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר קינדער — „טאָג“, 15 פֿעברואַר 1920, נומ׳ 36.

ס. וואָס קומט פֿאָרט פֿאָר מיט די אַמעריקאַנער געלט — „טאָג“, 7 יאַנואַר 1920, נומ׳ 6.

פּלורערמאַכער ג. די אַמעריקאַנער שפּיצע — „טאָג“, 12 יולי 1921, נומ׳ 160; אַמעריקאַנער קולטור־הילף — „טאָג“, 1 פֿעברואַר 1921, נומ׳ 37; באַמערקונגען וועגן דער לעצטער קאָנפֿערענץ פֿון פּיפּלס־רעליעף — „טאָג“, 24 יאַנואַר 1923, נומ׳ 1082.

פּריי ש. די וויכטיקסטע רעאָרגאַניזאַציע [וועגן דער הילפֿס־אַקציע — „טאָג“, 21 פֿעברואַר 1936, נומ׳ 45.

צו אַלע יידישע אַרבעטער אין ווילנע. פֿון ווילנער יידישן אַרבעטער הילפֿס־קאָמיטעט — „פֿרײַע וואָרט“, 12 פֿעברואַר 1921, נומ׳ 4.

קאַהאַן אַב. פאַרט זאַמלען געלט פאַר ווילנע — „טאָג", 30 מערץ 1920, נום' 72.

קאַהאַן לעאָנאַר. די הילף פון אַמעריקע און ווי אַזוי זי דאַרף פאַרטיילט ווערן — „טאָג", 12 דעצעמבער 1919, נום' 170.

קאַן בערנאַרד, ד"ר. וועגן דער לאַגע פון די פוילישע יידן און וועגן ווייטערדיקער הילף-אַרבעט — „טאָג", 3 מערץ 1929, נום' 53.

קאָוואַרסקי ה., ד"ר. געזעלשאַפטלעכקייט און דער אַמעריקאַנער דאָלאַר — „טאָג", 28, 29 יולי 1921, נום' 174, 175.

קאָמאָס אַלבערט. וואָס שרייבט דער אַמעריקאַנער רעליעף-דעלעגאַט וועגן אָלשאַנער און לעבעדעווער ענינים — „אונזער הילף", ווילנע 1922, נום' 5—6, ז' 25.

קוואַשאַ ג. די וואָלינע, דער רייסלענדישער הגורל און די הילף פון אַמעריקע — „טאָג", 12 מערץ 1920, נום' 62.

קריק א. איבער דער אַנקעטע וועגן אַמעריקאַנער הילף — „טאָג", 27 נאָוועמבער 1919, נום' 166; וואָס ווערט געטאָן פאַרן יידישן יתום? — „טאָג", 15 מערץ 1927, נום' 63.

ראַטעוועט ווילנע! אַפּעל פון דעם ווילנער רעליעף-קאָמיטעט אין אַמעריקע — „טאָג", 9 אַפּריל 1926, נום' 89.

ר. ז. נאָך דער ליקווידאַציע פון „פּאָלס-רעליעף" — „טאָג", 29 מערץ 1924, נום' 76.

רייכעס א. וועגן די אַמעריקאַנער געלטער — „טאָג", 9 יאַנואַר 1920, נום' 8.

שאַבאַד צ., ד"ר. איבער דער אַנקעטע וועגן דער אַמעריקאַנער הילף — „טאָג", 19 נאָוועמבער 1919, נום' 160; אַמעריקאַנער הילף און זעלבסטהילף — „טאָג", 18 יוני 1919, נום' 33; די פאַרטיילונג פון די אַמעריקאַנער פּראָדוקטן און קליידער פאַר קינדער — „טאָג", 15 דעצעמבער 1919, נום' 18; ווייטער וועגן די אַמעריקאַנער געלט — „טאָג", 22 יאַנואַר 1920, נום' 19; די אַמעריקאַנער הילף פאַר קינדער — „טאָג", 25 אַפּריל 1921, נום' 96; וואָס קען אַמעריקע טאָן פאַר ווילנע — „טאָג פאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 59—60.

VI. דזשוינט, היאַס, יק"אַ.

אידל. די הילפס-אַקציע פון ר.ד.ק. (אַ געשפּרעך מיטן דירעקטאָר פון ר. ד. ק. אין פּויל. ה' גיטערמאַן) — „צייט", 7 פעברואַר 1927, נום' 327; וועגן דער הילפס-אַרבעט פון ר.ד.ק. „צייט", 15 פעברואַר 1927, נום' 334.

איינענער א. אַן אומבאַריכטער סוף [וועגן דער קאָנפערענץ פון ר. ד. ק.] — „טאָג", 9 יאַנואַר 1922, נום' 859.

אַראָנאָוויטש ס. דער „דזשוינט דיסטריביושן" איז אויך שולדיק — „טאָג", 16 יאַנואַר 1920, נום' 14.

אָרטיקע געזעלשאַפטלעכקייט און ר. ד. ק. — „טאָג", 3 יולי 1922, נום' 909.

באַסין ש. די שעה האָט געשלאָגן [וועגן דער דזשוינט-אַקציע] — „טאָג", 24 מאַי 1926, נום' 117.

בערנשטיין ל. דוסאָן. אַמעריקאַנער „היאַס" אין לעצטן יאָר — „אונזער הילף", 1923, נום' 3—4, ז' 31—35.

בערעזאָווסקי דוד. אַן אָפענער בריוו צום „דזשוינט דיסטריביושן קאָמיטעט" — „טאָג", 5 יולי 1920, נום' 148.

גראָסמאַן וו. דער „דזשוינט" און די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט — „צייט", 12 יאַנואַר 1927, נום' 305; דער „דזשוינט" פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט — „צייט", 23 סעפּטעמבער 1927, נום. 516.

די אַרבעט פון ר. ד. ק. — „טאָג", 3 יאַנואַר 1921, נום' 2.

די טעטיקייט פון „היאַס" — „פריינד", 31 יאַנואַר 1921, נום' 19.

דער נצחון פון יק"אַ [לייט-אַרטיקל] — „פריינד", 21 מערץ 1922, נום' 70.

„היאַס" און „דזשוינט" — „אונזער הילף", 1922, נום' 8—10, ז' 39—41.

הילף-אַרבעט פון ר. ד. ק. — „טאָג", 25 סעפּטעמבער 1921, נום' 225.

העלד אַדאָלף. דירעקטאָר פון „היאַס" אין ווילנע — „טאָג", 14 סעפּטעמבער 1923, נום' 113.

ווען וועט זיך אָנהייבן די מעדיצינישע אַרבעט פון ר. ד. ק.? — „אונזער הילף", 1921, נום' 7—8, ז' 21.

Z. דער יק"אַ און די נייע הילפס-אַקציע — „טאָג", 21 יולי 1925, נום' 142.

טעטיקייט פון ווידער-אויפבוי-אָפּטיילונג פון ר. ד. ק. אין 1923 — 28 יאַנואַר 1924, נום' 24.

Tel. דער דזשוינט האָט ריכטיקער ניט געקענט האַנדלען [וועגן „דזשוינט" און תרבות-שולן] — „טאָג", 3 יאַנואַר 1927, נום' 2.

יידישע עמיגראַציע פון ווילנע און געגנט — „טאָג", 16 פעברואַר 1926, נום' 40.

ליקווידאַציע פון ר. ד. ק. — „טאָג", 20 יוני 1923, נום' 42.

מאַטעריאַלן און דאָקומענטן [וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף צווישן דער פּראָווינציעלער יידישער פאַרשטייערשאַפט און ר. ד. ק.] — „אונזער הילף", ווילנע 1922, נום' 8—10, ז' 41—45.

מוקדוני א., ד"ר. די גלות-אָרגאַניזאַציע [וועגן יק"אַ, דזשוינט, רעליעף א. א.] — „פריינד", 14 יוני 1923, נום' 197.

מעדיצינישע-סאַניטאַרע אַקציע פון ר. ד. ק. — „טאָג", 17 יאַנואַר 1923, נום' 1076.

מיט וואָס קומען די „דזשוינט-דעלעגאַטן"? די איינדרוקן פון ד"ר ב. קאַן — „טאָג", 24 יאַנואַר 1926, נום' 28.

מישקאָווסקי חיים, הרב. די ליקווידאַציע פון דער געלט-אָפּטיילונג ביים ר. ד. ק. — „אונזער הילף", 1921, נום' 4—5, ז' 38—39.

N. די זיצונג פון צ. ק. פאַר אויפבויאונגס-אַרבעט ביים ר. ד. ק. אין ווארשע — „אונזער הילף", 1921, נום' 6, ז' 4—7.

ניגער ש. וועגן דער דזשוינט-אַקציע אין אַמעריקע — „טאָג", 26 מאַי 1926, נום' 119.

עמיגראַציע. ביולעטענס פון „היאַס" — „אונזער הילף", 1921, נום' 4—5, ז' 39—42; נום' 7—8, ז' 29—32; נום' 9—12, ז' 61—70.

ערשטע קאָנפערענץ פון היאַס—יק"אַ—עמיגדירעקט — „טאָג", 25 יאַנואַר 1928, נום' 21.

פאַרנבערג ק., ד"ר. דער דזשוינט און זיינע קריטיקער — „צייט", 24 מאַי 1927, נום' 414.

פון דער לעצטער פּאָלס-רעליעף-קאָנפערענץ. די ליקווידאַציע פון „דזשוינט" — „אונזער הילף", 1923, נום' 5—12, ז' 9—14.

צביון. נאָך דער דזשוינט-קאַמפּאַניע אין טשיקאַגאָ 1927 — „טאָג", 15 נאָוועמבער 1927, נום' 260.

צו דער עמיגראַציע-קאָנפערענץ — „אונזער הילף", 1921, נום' 7—8, ז' 33—38.

צום אָפּפאָר פון לאַנגמאַן אייבראַמס — „טאָג", 29 יאַנואַר 1922, נום' 325.

צום דירעקטאָר פון דער אייראָפּעישער צענטראַלע פון ר. ד. ק. הערן ד"ר בערנאַרד קאַן. בערלין [גרוס פון פאַרשטייערס ווילנער אינסטיטוציעס] — „צייט", 22 מערץ 1927, נום' 354.

קאַן בערנאַרד, ד"ר. אין ווילנע — „טאָג", 20 אויגוסט 1926, נום' 193; וועגן דער אַמעריקאַנער הילפס-אַקציע — „טאָג", 25 יאַנואַר 1926, נום' 21; וועגן דער לאַגע אין פּוילן — „טאָג", 13 אָקטאָבער 1926, נום' 233.

קאָנפערענץ פון אויפבויאונגס-קאָמיטעט ביים ר. ד. ק. — „טאָג", 30 מאַי 1922, נום' 426.

קויסמאַן, ד"ר. וועגן דער טעטיקייט פון ר. ד. ק. — „טאָג", 11 יוני 1920, נום' 128.

קונין א. וועגן דער עמיגראַציע-אַרבעט — „אונזער הילף", 1921, נום' 9—12, ז' 57—61.

רובינשטיין ר. דער „נייער דזשוינט" — „צייט", 1 יולי 1925, נום' 403.

רידקין בערנאַרד. גוט-מאָרגן, ליבע יידן, די מאַמע איז דאָ! [וועגן יק"אַ] — „טאָג", 13 יולי 1927, נום' 160.

שאַבאַד צ., ד"ר. וועגן מאַקס פּאַטאַיערס אַרויסטריט קעגן „דזשוינט" — „טאָג", 28 סעפּטעמבער 1927, נום' 224.

שאַליט משה. צו דער ליקווידאַציע פון דער דזשוינט-תמיכה — „אונזער הילף", 1921, נום' 6, ז' 1—4; אַ בריוו אין רעדאַקציע [וועגן דער ר. ד. ק.-קאָנפערענץ] — „טאָג", 14 מערץ 1921, נום' 61.

VII. „יעקאָפּאָ".

א. די שטים פון נייעם לעבן [אויף דער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ"] — „טאָג", 7 אַפּריל 1921, נום' 82.

אויפבויאונגס-אַרבעט (מעמאָראַנדום) [פון עקזעקוטיוו פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ"] — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נום' 1—2, ז' 36—39.

אַ יאָר עמיגראַציע-אַרבעט (מעמאָראַנדום פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ") — „אונזער הילף", 1921, נום' 4—5, ז' 42—47.

אַ יאָר אַרבעט פאַר הימלאָזע אין רעפּאַטריאַנטן (באַריכט פאַרן יאָר 1922) — „אונזער הילף", 1923, נום' 1—2, ז' 3—19.

אימיאַניטאָוו מ. באַריכט וועגן דער לאַגע פון די מלחמה-יתומים — „אונזער הילף", 1922, נום' 5—6, ז' 31—32.

אַמעריקאַנער דעלעגאַט אין פּרעזידיום פון דער קהילה און „יעקאָפּאָ" — „ייד. צייטונג", 11 יוני 1919, נום' 27.

גאַגין שלמה. באַריכט פון דער לאַגע פון די מלחמה-יתומים — „אונזער הילף", 1922, נום' 5—6, ז' 30—31.

גאַלבאַרישסקי מ. צו דער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" — „אונזער הילף", 1921, נום' 7—8, ז' 19.

באַנקעט לכבוד די דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ צו דער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאָ" — „טאָג", 14 סעפּטעמבער 1919, נום' 108.

באַראַטונג וועגן דער זאַמלונג לטובת הימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן — „אונזער הילף", 1922, נום' 7, ז' 3—4.

באַראַטונג וועגן הימלאָזע- און עמיגראַציע-ענינים [פון די „יעקאָפּאָ"-ביוראָען] — „אונזער הילף", 1922, נום' 5—6, ז' 1—16.

באַראַטונג פון „יעקאָפּאָ" וועגן דער נייער אויפבוי-אַקציע — „אונזער הילף", 1923, נום' 3—4, ז' 1—6.

באַריכטן פון דער הימלאָזע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ" — „אונזער הילף", 1922, נום' 11—12, ז' 20—30; 35—38.

באריכטן פון דער היימלאזע און רעפּאטריאנטן-אפּטיילונג פון „יעקאפּא" — „אונזער הילף", 1923, נומ' 3-4, ז' 46—53.

באריכט פון יידישן געגנט-קאמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה. ווילנע, פון 15 פעברואר ביז 1 סעפּטעמבער 1919. ווילנע 1919, 22 ז.

באריכט פון עמיגראציע-אפּטיילונג פון „יעקאפּא" — „אונזער הילף", 1923, נומ' 5—12, ז' 39—45.

בראמסאן, ארוו. די פּראדוקטיוויזירונג פון יידישן לעבן — „טאג", 3 יולי 1921, נומ' 152.

ברורנא ל. די 2-יאריקע יידישע פּעדאגאגישע קורסן אין ווילנע ביי דער קהילה און געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" (1920—1921) — „פּנקס", 1922, ז' 811—826.

ג. א. „אוי אמעריקע" (סצענעס אין „יעקאפּא" ביים אפּנעמען אמעריקאנער געלט) — „טאג", 19 מערץ, 1920, נומ' 69.

גורינס ז. וועגן פּייערלעסעריי און פּסעקירעציע [אין דער פּראווינץ] — „אונזער הילף", 1921, נומ' 9-12, ז' 77.

גירוויסט העשל. פון די היימלאזע טראנזיט-פּונקטן — „אונזער הילף", 1921, נומ' 4-5, ז' 34—35.

געגנט-קאנפערענץ פון „יעקאפּא" — „טאג", 12 אויגוסט 1919, נומ' (8; 7 דעצעמבער 1921, נומ' 280.

געלט פון אמעריקאנער קרובים פאר ווילנע און פּראווינץ, דורך דעם געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" אין ווילנע — „טאג", 6, 7 נאוועמבער 1919, נומ' 148, 149.

ד—ן. די קאנפערענץ פון „יעקאפּא" — „טאג", 8 סעפּטעמבער 1919, נומ' 103.

דריטע פּלענארע זיצונג פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „ייד. צייטונג", 26 פעברואר 1920, נומ' 44.

דרינגענדע רעטונגס-אקציע פון „רזשוינס" אין „יעקאפּא" פאר פּראווינץ — „צייט", 15 מערץ 1929, נומ' 961; „טאג", 15 מערץ 1929, נומ' 61.

הורוויסט ה. דער טראנזיט-פּונקט פאר היימלאזע אין סווענציאן — „אונזער הילף", 1921, נומ' 3, ז' 38—39.

הורוויסט ש. צו דער קאאפּעראציון אין לערער-צוזאמענפאר פון „יעקאפּא". — „פרייע ווארט", 2 אפּריל 1921, נומ' 11.

הילף-ארבעט (א זיצונג אין „יעקאפּא" וועגן דער ד. ד. ק.-קאנפערענץ) — „טאג", 10 מערץ 1921, נומ' 59.

וואלק י. וואס טוט זיך אויף דער פּראווינץ (באריכט פון באפולמעכטיקטן פון „יעקאפּא") [אינהאלט: קינדער-קיכן; קאאפּעראציון און ברויט בעקעריען; ליי- און שפּאר-קאסעס; מעדיציניש-סאניטארע הילף; קולטורעלע הילף; ביבליאטעקן; פאלקס-שולן] — „טאג", 18, 19, 20 יאנואר 1920, נומ' 15, 16, 17; א גרוס פון דווינסק (אויסצוג פון א באריכט, וואס איז אנגעגעבן געווארן דעם געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „טאג", 5 פעברואר 1920, נומ' 31. דווינסק — קאלקין (א נסיעה וועגן היימלאזע-ענינים) — „אונזער הילף", 1921, נומ' 3, ז' 14—16; היימלאזע (מעמאראנדום) 1. אלגעמיינער בילד. 2. דאס פּראבלעם — „אונזער הילף", 1921, נומ' 6, ז' 7—12; נומ' 7-8, ז' 15—19; די צענטראלע אויסבוי-אפּטיילונג פון „יעקאפּא", 2-טער ראיאן — „אונזער הילף", 1921, נומ' 9—12, ז' 48—51; היימלאזע — „אונזער הילף", 1922, נומ' 1-2, ז' 26—27; באריכטן פון דער היימלאזע-אפּטיילונג פון „יעקאפּא" — „אונזער הילף", 1922, נומ' 8—10, ז' 12—16.

ווירעריאויסבוי-צוזאמענפאר — „ייד. צייטונג", 7 יוני 1920, נומ' 125.

חורבן פון יידישן שטעטל. פּלענום פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — 8 אפּריל 1926, נומ' 80.

טעטיקייט פון „יעקאפּא" — „טאג", 10 סעפּטעמבער 1919, נומ' 105.

יאכוועד י., ארוו. די יורידישע זייט פון דער אויסבויאונגס-ארבעט — „אונזער הילף", 1921, נומ' 9—12, ז' 52—56.

יודע. די געזונטע געזעלשאפטלעכקייט [דער עיקרשט וועגן „יעקאפּא"] — „ארבעטער לעבן", 25 פעברואר 1921, נומ' 2.

יידישער געגנט-קאמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה („יעקאפּא") אין ווילנע — „טאג פאר אמעריקע", 1921.

יידן-בירגער: [אויפרוף פון דער עקזעקוטיווע פון „יעקאפּא"] — „אונזער הילף", 1922, נומ' 7, ז' 1—3.

יעוועראוו מ. מאטעריאלן צו דער היימלאזע-פּראבלעם — „אונזער הילף" 1921, נומ' 9—12, ז' 70—74; מלחמה-יתומים — „אונזער הילף", 1923, נומ' 5—12, ז' 18; אינטערנאט אין לידע, איווייע און אשמענע [יתומים-הייזער] — „אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 5—12, ז' 20—23. „יעקאפּא" — „יידישע ווילנע אין ווארט און בילד", ווילנע 1925, ז' 78.

„יעקאפּא" אין די פּראווינץ — „טאג", 6 יולי 1919, נומ' 48.

„יעקאפּא" צום נייעם טעטיקייטס-יאר — „טאג", 2 דעצעמבער 1921, נומ' 276.

יצחקי (י. וואלק). די קאנפערענץ פון „יעקאפּא" — „ייד. צייטונג", 8 סעפּטעמבער 1919, נומ' 103; ווי עס לעבט זיך אין היגן געגנט. א. נאוואגרודקער ראיאן (באריכט פון פארשטייער פון „יעקאפּא") — „טאג", 12, 13 נאוועמבער 1919, נומ' 153, 154; געגנט-הילף-נאוואגרודקער ראיאן — „ייד. צייטונג", 12, 13 נאוועמבער 1919, נומ' 153, 154; בילדלעך פון פּראווינץ א. „יעקאפּא", ב. חרם, ג. גאס-סטראפּאטעס, ד. בעלי-טובה א. א. — „ייד. צייטונג", 22, 25, 26, 28, 29 דעצעמבער 1919, נומ' 187, 190, 191, 192, 193; אן אנפראגע דער ווילנער געזעלשאפטלעכקייט — „טאג", 4 אפּריל 1921, נומ' 80.

יתומים-אקציע פון „יעקאפּא" — „צייט", 5 פעברואר 1926, נומ' 25.

לאקערמאן ש. פּילאנטראפּיע און אויפבוי — „טאג", 27 יוני, 1924, נומ' 150.

ליפ. מער אכט אויף די שטעטלעך — „טאג", 5 סעפּטעמבער, 1923, נומ' 107.

ליפשווסקי בן-ציון, אינזש. טעכנישע אויפבוי-פראגן [וועגן שרפות אין די שטעטלעך] — „אונזער הילף", 1923, נומ' 3—4, ז' 40—45.

מיסנליד ה. צו דער קומענדיקער פּלענארער זיצונג פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „ייד. צייטונג", 24 פעברואר 1920, נומ' 42.

מנבי. בילדלעך פון דער פּראווינץ [בוו. אנר. וועגן „יעקאפּא"] — „פריינד", 7 יוני 1922, נומ' 130.

מעכאניק י. ניט אלץ, וואס איז צוגעפאסט פאר דער שטאט, איז געוואונטשן פאר דער פּראווינץ — „אונזער הילף", 1921, נומ' 3, ז' 18—19.

מעמאראנדום פון „יעקאפּא" צום פארזיצער פון דער צייטווייליקער רעגירונגס-קאמיסיע — „טאג", 1 פעברואר, 1922, נומ' 345.

N. פּלענום פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „אונזער הילף", 1921, נומ' 1—2, ז' 3—9; דער לערער-צוזאמענפאר [פון פּראווינציעלע לערער צונויפגערופן דורך „יעקאפּא"] — „אונזער הילף", ווילנע, 1921, נומ' 1-2, ז. 14—18.

עמיגראציע [די עמיגראציע-אפּטיילונג פון „יעקאפּא"] — „אונזער הילף", 1921, נומ' 1-2, ז' 41—44.

עמיגראציע-אפּטיילונג ביי „יעקאפּא" — „פריינד", 30 אפּריל 1922, נומ' 99.

ערשטע קאנפערענץ פון יידישן געגנט-קאמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה. ווילנע, 8—9 סעפּטעמבער 1919. ווילנע, 1920, 56 ז.

פאראייניקטע זיצונג וועגן פּראדוקטיווע הילף — „ייד. צייטונג", 22 יוני 1919, נומ' 37.

פּלענארע זיצונג פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „טאג", 12, 13 נאוועמבער 1919, נומ' 153, 154.

פּלענום פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „אונזער הילף", 1922, נומ' 11—12, ז' 30—34; „טאג", 23 נאוועמבער, 1922, נומ' 1029; „פריינד", 21 נאוועמבער 1922, נומ' 268.

פּראדוקטיווע הילף [די ערשטע זיצונג פון קאמיטעט פאר פּראדוקטיווע הילף] — „טאג", 22 יוני 1919, נומ' 36.

צו דער קאנפערענץ פון „יעקאפּא" — „ייד. צייטונג" — 8 סעפּטעמבער 1919, נומ' 103.

צווייטע קאנפערענץ פון דער געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „אונזער הילף", 1921, נומ' 7—8, ז' 4—6; „פריינד", 7, 8, 9, 11 דעצעמבער 1921, נומ' 273, 274, 275, 276.

צווייטע קאנפערענץ פון געגנט-קאמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה, ווילנע — „אונזער הילף", ווילנע 1922, נומ' 1—4, ז' 1—64.

צוזאמענפאר פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפּא" — „טאג", 11, 12 מערץ 1924, נומ' 61, 62.

צענטראלע אויסבוי-אפּטיילונג פון „יעקאפּא". ערשטער ראיאן — „אונזער הילף", 1921, נומ' 9—12, ו' 40—48.

קאנסטרוקטיווע קאנפערענץ אין ווארשע [באריכט פון ה' מ. שאלים] — „פריינד", 29 נאוועמבער 1921, נומ' 266.

קאנפערענץ וועגן דער פארזארגונג פון די מלחמה-יתומים (באריכט) — „אונזער הילף", 1922, נומ' 11—12, ו' 1—20.

קאנפערענץ וועגן קאנסטרוקטיווער הילף — „טאג", 30 אפּריל, 3 מאי 1921, נומ' 99, 101.

קאנפערענץ פון „יעקאפּא" — „טאג", 9—10 סעפּטעמבער 1919, נומ' 104, 105; „ייד. צייטונג", 9, 10, 11, 12, 13 סעפּטעמבער 1919, נומ' 104, 105, 106, 107, 108.

קאסע-באריכט פון געגנט-קאמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה. ווילנע. 2. פון סעפּטעמבער 1919 ביז 31 דעצעמבער 1919. ווילנע 1920, 16 ז.

קאסע-באריכט פון געגנט-קאמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה. „יעקאפּא", ווילנע. 3. פון 1-טן יאנואר 1920 ביז 30 יוני 1920, ווילנע 1920, 16 ז.

קארקארישקער א. די קינדער-קאלאניע פון „יעקאפּא"-„אזע" — „טאג", 8 יולי 1923, נומ' 57.

ק—י. ג. עטוואס וועגן „יעקאפּא" (געדאנקען מן חצר) — „טאג", 11, 12 פעברואר 1920, נומ' 36, 37.

קליאנסקי א. וועגן אויסבויאונגס-ארבעט — „אונזער הילף", 1921, נומ' 4—5, ו' 17—19; ספוביקע דעבל פון רעעמיגראנטן — „אונזער הילף", ווילנע 1922, נומ' 8—10, ז' 21—25.

רובשטיין בנימין. צו דער אויסבויאונגס-פראגע אין ווילנער ראיאן — „טאג", 13, 23 יאנואר 1922, נומ' 312, 320.

רודניצקי אליהו. צו דער דריטער אלגע־מיינער קאנפערענץ פון „יעקאפא" — „אונזער הילף", ווילנע, 1923, נום׳ 5—12, ז׳ 67—70.

ש. די ווריטע „יעקאפא"־קאנפערענץ אין ווילנע — „צייט", 11 מערץ 1924, נום׳ 9.

שאבאד צ. ד״ר. צום צוזאמענגאנג פון „יעקאפא" — „טאג", 8 סעפטעמבער 1919, נום׳ 103.

שאליט מ. תמיכה און אויסבויאונג — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נום׳ 3, ז׳ 1—6; אויפן וועג פון זעלבסטבאשטייערונג — „אונזער הילף", 1921, נום׳ 4—5, ז׳ 1—3; פראיעקט פון זעלבסט־באשטייערונג אין ראיאן פון געגנט־קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע — „אונזער הילף", 1921, נום׳ 4—5, ז. 3—5; צו אונזער צווייטער געגנט־קאנפערענץ — „אונזער הילף", 1921, נום׳ 7—8, ז׳ 1—4; ערב דער קאנפערענץ — „אונזער הילף", 1921, נום׳ 9—12, ז׳ 1—4; אייביקע ציטער. 1. אלגעמיינע רעטן. [וועגן דער אויסבויאונגס־ארבעט פון „יעקאפא"] — „אונזער הילף", ווילנע 1922, נום׳ 8—10, ז׳ 1—8; וואו האלטן מיר? — „אונזער הילף", 1923, נום׳ 1—2, ז. 1—3; „יעקאפא" — „פנקס", ווילנע 1922, ז. 865—869; געזעלשאפטלעכע ענינים — „אונזער הילף", 1923, נום׳ 5—12, ז׳ 1—8; וועגן דעם תוך פון דער יתומים־ארבעט — „דאס עלנטע קינד", ווארשע 1925, ז׳ 10—15; „פון יאר צו יאר". אילוסטרירטער געזעלשאפטלעכער לוח. ווילנע — פארלאג פון צענטראלעס פאר יתומים־פארזארגונג אין ווילן. ערשטער יארגאנג—1926, 112 ז.; צווייטער יאר־גאנג—1927, 160 ז.; דריטער יארגאנג—1928, 210 ז.; פערטער יארגאנג—1929, 216 ז. [אין די לוחות געפינען זיך באשרייבונגען אויך וועגן פיל ווילנער געזעלשאפטן, אינסטיטוציעס און כלל־טוער, בילדער, רעפראדוקציעס און פארשיידענע אנדערע ענינים, וואס באלאנגען צו ווילנע און ווילנער געגנט].

VIII. סאניטאר־מעדיצינישער מצב.

גורוויטש ה. ווי אזוי דארף ארגאניזירט ווערן די מעדיצינישע הילף אויף דער פראווינץ? — „אונזער הילף", ווילנע 1921, נום׳ 7—8, ז׳ 20—21.

ד. ר. ק.־רעקטוירים און דעמאקראטישע פרינ־ציפן — „טאג", 22 יאנואר 1922, נום׳ 319.

דווארזש א. דער סאניטארער מצב אין פראווינץ — „פאלקסגעזונט", 1924, ז׳ 251.

הורוויטש א. די קאנפערענץ פון די פראווינצער ספארט־פאראיינען אין ווילנער קאנט — „טאג", 26, 28, 29 אקטאבער 1924, נום׳ 246, 248, 249.

וואס טוט „טאז"־אפטיילונג אין ווילנע — „טאג", 5 יוני 1927, נום׳ 129.

וויגאדסקי יעקב, ד״ר. דער תהו־ובהו פון די סאניטארע מצבן אין ווילנע — „צייט", 11 נאוועמבער 1927, נום׳ 553.

ווילנער געזעלשאפט צו פארהיטן דאס געזונט פון דער יידישער באפעלקערונג — „יידישע ווילנע אין ווארט און בילד", 1925, ז׳ 85.

ווירשובסקי א., ד״ר. דאס פאלקסגע־זונט בעת דער דייטשער אקופאציע — „די נייע וועלט", זאמלב., ווילנע 1919, נום׳ 3, ז׳ 72—81; דער פסיכאלאגישער כאראקטער פון די ליטווישע יידן — „ליטע" II, ווילנע 1919, ז׳ 39—44; די מעדיצינישע אויפגאבן פון דער ווילנער יידישער קהילה — „ייד. צייטונג", 30 יאנואר 1920, נום׳ 21; דאס פאלקסגעזונט און דער מעדיצינישער לעבנס־שטייגער אין ווילנע בעת דער דייטשער אקופא־ציע — „פנקס", ווילנע 1922, ז׳ 81—109; דער ווילנער יידישער שפיטאל — „פנקס", ווילנע 1922, ז׳ 829—833; צום ערשטן ארויסלאז פון דער שוועסטער־שול ביי „עזע" — „טאג", 3 אפריל 1924, נום׳ 81; יידישע מתים פארן פראזעקטא־רים — „צייט", 9 נאוועמבער 1925, נום׳ 508; דער קולט פון פסיכיש־ און נערוון־קראנקע [ווו. אגד. וועגן ווילנער „איש־מופת" שמעון קאפטאן]— „צייט", 13 יאנואר 1928, נום׳ 605.

תייט ל., ד״ר. וועגן טורן־ און ספארט־באַ־וועגונג ביי יידן אין ווילנע — „פריינד", 12, 13 יאנואר 1922; מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון די יידישע שול־קינדער אין ווילנע — „פאלקסגעזונט", 1923, נום׳ 4, ז׳ 18—20.

טרויעריקע סאניטארע לאגע אין ווילנע — „טאג", 3 אפריל 1927, נום׳ 79.

יידישע פרויען־ און קינדער־שפיטאל אין ווארינעק — „ייד. ווילנע אין ווארט און בילד", ווילנע, 1925, ז׳ 89.

יעדוואבניק צ. ד״ר. צוויי יאר פון דער סאנאטאריע פאר לונגען־קראנקע פון ווילנער „עזע" — „טאג", 6 יאנואר 1927, נום׳ 5.

עפענונג פון דער היגיענישער אויסשטעלונג פון „עזע" — „טאג", 2 אפריל 1926, נום׳ 77.

ערשטע יידישע ספארט־קאנפערענץ פון ווילנער געגנט — „המכבי", 1924, נום׳ 11, ביילאגע צו „פאלקסגעזונט".

פופקא י. דער רעקטוירים־צוזאמענפאר אין לידע — „טאג", 5 דעצעמבער 1926, נום׳ 278.

פיר יאר טעטיקייט פון דער ווילנער געזעל־שאפט צו פארהיטן דאס געזונט פון דער יידישער באפעלקערונג („עזע") — ביילאגע צו „פאלקס־געזונט" 1923, נום׳ 4, ז׳ 1—10.

צארס א. אנטערגליבעניסן און איינדרייעניסן אין אונזער קאנט — „פאלקסגעזונט", 1923, נום׳ 2—3, ז׳ 51—53.

צען יאר „מכבי" (א בלאט געשיכטע אין דער יידישער טורן־ און ספארט־באוועגונג) — „טאג", 14 מאי 1926, נום׳ 111.

קאווארסקי ה., ד״ר. די יידישע שוועסטער־שול אין ווילנע — „פאלקסגעזונט", ווילנע 1923, נום׳ 1, ז׳ 59—61.

קאנפערענץ וועגן דער מעדיציניש־סאניטארער ארבעט [אין ווילנע און אומגעגנט] — „אונזער הילף", ווילנע, 1921, נום׳ 9—12, ז׳ 4—10.

קליאנסקי א. בעדער [אין דער פרא־ווינץ] — „אונזער הילף", 1921, נום׳ 1—2, ז׳ 30.

ראבעס י., ד״ר. די טעטיקייט פון „עזע" אין ווילנע — „פנקס", ווילנע, 1922, ז׳ 849—851; די שול־מעדיצין אין ווילנע (אן איבערזיכט פארן לערניאר 1924—1925) — „צייט", 13 אויגוסט 1925, נום׳ 440.

שאבאד צ., ד״ר. „עזע" — „טאג", 14 יוני, 4 יולי 1920, נום׳ 129, 147; וועגן געזעל־שאפטלעכע אדער קאאפעראטיווע אפטייקן — „טאג", 2 פעברואר 1921, נום׳ 28; די מעדיצינישע הילף פאר יידן אין ווילנע און געגנט — „טאג", 10, 11 מאי 1921, נום׳ 107, 108; ראמיילעס ישיבה פארן משפט פון „עזע" — „טאג" 30 סעפטעמבער 1921, נום׳ 229; וואס דארף געטאן ווערן אויף געזינטער צו מאכן די יידישע באפעלקערונג — „אונזער הילף", 1921, נום׳ 1—2, ז׳ 22—29; די שטערבלעכקייט און די געבורטן פון די יידן אין ווילנע פאר די יארן 1911—1920 — „פנקס", ווילנע 1922, ז׳ 133—205; צו היינטיקן יום־טוב פון „עזע" [צום סיום פון דער שוועסטער־שול] — „טאג", 14 אפריל 1924, נום׳ 90; צום 120־יאריקן יובילעאום פון דער ווילנער מעדיצינישער געזעלשאפט — „טאג", 14 דעצעמבער 1925, נום׳ 264; א שטענדיקע יידישע קינדער־קאלאניע — „טאג", 27 יוני 1926, נום׳ 146.

שומעלישסקי, ד״ר. דער ווילנער יידישער רעקטוירים־פאראיין — „פנקס" 1922, ז׳ 827—829.

שטיף נ. די צען־יאריקע געשיכטע פון „עזע" — „פאלקסגעזונט", 1923, נום׳ 1, ז׳ 2—3, 4, 5—6.

שערמאן ר., ד״ר. די אנטי־טובערקולאז־געזעלשאפט [אין ווילנע] — „טאג", 29 נאוועמבער 1927, נום׳ 272.

IX. קולטור־ענינים.

א.

אבראמאוויטש ה. די יידישע שול אין דעם קליינשטעטל — „טאג", 30 יאנואר, 7 פעב־רואר 1923, נום׳ 1087, 1094.

א גרופע גלובאקער תושבים — די געשיכטע פון א תרבות־גימנאזיע — „טאג", 5 נאוועמבער 1926.

א יאר ארבעט פון יידישן לערער־סעמינאר אין ווילנע. באריכט 1926—1927. ארויסגעגעבן פון ייד. לער.־סעמ. א״נ פון וול. מעדעם ביים צ. ב. ק. ווילנע 1928, 80 ז.

אויפרוף צו די פראווינצער לערער — „טאג", 20 מאי 1923, נום׳ 110.

אייזיקאוו ש. וועגן תורת־אמת — „טאג", 26 יולי 1919, נום׳ 65; תורת־אמת — „פנקס", ווילנע 1922, ז׳ 765—767.

באריכטן פון דער בילדונגס־אפטיילונג ביי דער ווילנער קהילה [יידישע און העברעאישע שולן, רעליגיעזע שולן, פעדאגאגישע קורסן, ביבליאטעק פון מפיצי השכלה, לערנבאלעגער א. א.], ווילנע 1921, 118 ז.

באסטאמסקי ש. ווילנער יידישער לע־רער־פאראיין — „פנקס", ווילנע 1922, ז׳ 725—735; 13 יאר יינגל־שול „מפיצי השכלה" — „טאג", 27 נאוועמבער 1928, נום׳ 274.

ב—י שלמהלע. די קאנפערענץ פון די פראווינץ־לערער — „טאג", 27 אפריל 1920, נום׳ 92.

ב. י. אין דער טויטער פראווינץ — „אונזער טריבונע", ווילנע 31 דעצעמבער 1921.

ב. ש. באראטונג מיט די לערער פון פרא־ווינץ — „טאג", 17 יוני 1920, נום׳ 133.

גולקין אברהם. א מוזיי פון לערן־מכשירים אין ווילנע — „די וואך", ווילנע 1919, נום׳ 2, ז׳ 60—61.

ביולעטען פון דער יידישער שול־ארגאניזאציע פאר ווילנער פראווינץ — „טאג", 29 אקטאבער 1926, נום׳ 247, 1 אפריל, 7 יוני 1927, נום׳ 78, 128.

ב. מ. וועגן די קינדער קיין ווארשע — „טאג", 6 נאוועמבער 1919, נום׳ 159.

בן־צבי. נאך דער קאנפערענץ פון די פראווינץ־שולן — „טאג", 7 דעצעמבער 1927, נום׳ 279.

בערקאן א. איבער דער ווילנער פרא־ווינץ [איר קולטור־מצב] — „טאג", 17 דעצעמבער 1927, נום׳ 287.

גלאמב א. פינף יאר סעמינאר (איבער־בליק) — „שול און לעבן", ווארשע 1926, נום׳ 2, ז׳ 3—9; צום ארויסלאז פון יידישן לערער־סעמי־נאר — „טאג", 19 פעברואר 1926, נום׳ 43; א נייע חברה מיט אלטע מדות [וועגן שול־קולט] — „טאג", 21 אויגוסט 1928, נום׳ 195; צען יאר צ. ב. ק. — „טאג", 13 יוני 1929, נום׳ 137.

גאלדמאן א. די יידיש־וועלטלעכע שול אויף דער פראווינץ — „פנקס", 1922, ז׳ 869—873; די יידישע שול אויף דער פראווינץ (פון א בא־ריכט) — „טאג", 6 יאנואר 1922, נום׳ 306.

גורינס ז. א נייע צענטראַלע פאַר פּראָווינציעלע שולן — „אינזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 1—2, ז' 35.

ג—ן ם. די פּיוס־צייט אין ווילנער פּראָווינץ [א שפּאַציר איבער די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ווילנער פּראָווינץ] — „טאָג", 15 יולי 1926, נומ' 162.

די יידישע שול אויף דער פּראָווינץ — „טאָג", 15 סעפּטעמבער 1919, נומ' 109; די ערשטע ראַיאָן־קאָנפערענץ פון יידישע לערער אויף דער ווילנער פּראָווינץ — „טאָג", 9 מאַי 1922, נומ' 106.

דראַלק י. און קליאַטשקאָ א. די שול אויף דער פּראָווינץ — „לעבן", ווילנע 1920, נומ' 3—4, ז' 21—24.

גרינבאַרסקי יעקב, ד"ר. די פּוילישע בילדונגס־פּאָליטיק אין ווילנע — „ייד. צייטונג", 1 פעברואַר 1920, נומ' 22; די ווילנער קהילה און די יידישע שולן — „פריינד", 22, 25 יאַנואַר 1921, נומ' 12, 14; דער הנדל מיט שולן פאַר יידן אויף די קרעסן — „צייט", 14 אַפּריל 1925, נומ' 339; דער סיום אין דער גלובאָקער יידישער פאָלקס־שול — „צייט", 19 אויגוסט 1925, נומ' 446.

ווילנער שול־וועזן אין ליכט פון ציפערן און פאַקטן. צום אָנהויב פון שול־יאָר 1926—1927 — „צייט", 15 סעפּטעמבער 1926.

ווירשובסקי א., ד"ר. וועגן רעגעקטיווע קינדער אין די ווילנער יידישע פאָלקס־שולן — „פריינד", 9 נאָוועמבער 1921, נומ' 249.

יער־המאיר אין ווילנע און זיינע שולן — „טאָג פאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 30—31.

7־טער פּלענום פון דער שול־אָרגאַניזאַציע פאַר ווילנער פּראָווינץ — „טאָג", 1 פעברואַר 1923, נומ' 1090.

זרחי. די לערער־פראַגע אויף דער פּראָווינץ — „ייד. צייטונג", 10 אויגוסט 1919, נומ' 78.

חיים ל., ד"ר. די שפּראַך פון ציפער [וועגן „מפיצי השכלה" און „תורת אמת"] — „טאָג", 1 יוני 1920, נומ' 128.

חש י. דער שול־וועזן אויף דער פּראָווינץ — „פרייע וואָרט", ווילנע 5 מערץ 1921, נומ' 7.

טאַמאַרין ה. די שול־אויסשטעלונג פון צ. ב. ק. — „טאָג", 19 יוני 1925, נומ' 115.

טורבאָוויטש ל. די פּעדאַגאָגישע קורסן — „לעבן", נומ' 2, ווילנע 1920, ז' 13—16.

יאַשונסקי י. ווילנער נוסח („שול־פּנקס", פינף יאָר אַרבעט פון צ. ב. ק. אין ווילנע) — „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע 1925, נומ' 43.

יודלס א. שול־אָרגאַניזאַציע פאַר דער ווילנער פּראָווינץ — „טאָג", 5 יוני 1927, נומ' 129.

יידישער לערער־סעמינאַר אין ווילנע — ערשטער סיום — „נייע שול", וואַרשע 1926, נומ' 3, ז' 52—53.

יידישע פּעדאַגאָגישע קורסן אין ווילנע — „טאָג", 19 סעפּטעמבער 1921, נומ' 183.

יידישע שול־אַרבעט אין ווילנע — „טאָג", 28 יאַנואַר 1925.

יצחקי ו. וואָלק. קולטור און פּראָווינץ (ווילנער געגנט) — „ייד. צייטונג", 6 נאָוועמבער 1919, נומ' 118.

כהן ב. פון פּראָווינץ־געמיזעכטס — „טאָג", 11 מאַי 1920, נומ' 103.

לערן־דערציערישע אַנשטאַלטן פון „תרבות" אין ווילנע — „פריינד", 4 יולי 1921, נומ' 153.

מ. א יאָר אַרבעט פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.) — „טאָג", 9 מאַי 1926, נומ' 106.

מיט 20 יאָר צוריק אין ווילנע [דער ערשטער יידישער לערער־צוזאַמענפאָר] — „טאָג", 6, 8, 9 מאַי 1927, נומ' 104, 105, 106.

מילער נ. שול און שטעטל — „טאָג", 1 דעצעמבער 1926, נומ' 275.

מעיר אירמא. איינדריקן וועגן ווילנע [אין לערער־סעמינאַר און די יידישע פאָלקס־שולן] — „טאָג", 4, 5 מערץ 1926, נומ' 54, 55.

מ. ר. נאָכאיינדרוק — „ליטעראַרישע בלעטער", 1924, נומ' 8.

—ן. די נשמה פון פּישקאַרניע [וועגן דער זומער־קאָלאָניע פון לערער־סעמינאַר] — „טאָג", 26 יוני 1922, נומ' 903.

נצרעל מ. י. צום 5 יאָריקן יובילי פון גמנסיה עברית — „פריינד", 1, 7 פעברואַר 1921, נומ' 21, 26; „יהודיה" (צום 30־יאָריקן יובילי) — „פריינד", 16 מאַי 1921, נומ' 106; די גמנסיה עברית — „פּנקס", 1922, ז' 757—761.

ניגער ש. צום ברויט — „טאָג", 18, 20, 21, 23 מאַי 1919, נומ' 8, 10, 11, 13.

סאָלאָמאָן ס. די ווילנער קינדער אין וואַרשע — „טאָג", 28 נאָוועמבער 1919, נומ' 167.

סעניצקי סענדער. די יידישע לערערשאַפט און די יידישע שול אין ווילנע (באַריכט פאַר די לעצטע 4 יאָר) — „טאָג", 4 דעצעמבער 1919, נומ' 172; די ווילנער שטאָטישע תלמוד־תורה — „פּנקס", ווילנע 1922, ז' 761—765.

S. די ווילנער קינדער אין וואַרשע — „טאָג", 21 אויגוסט 1919, נומ' 98.

עפענונג פון די פּעדאַגאָגישע קורסן — „טאָג", 13 יאַנואַר 1921, נומ' 11.

ערשטע יידישע רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע — „פּנקס", ווילנע 1922, ז' 755—757; „טאָג פאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 39—39.

פּופּקאָ י. פּראָווערטס! (איינדריקן פון דער ראַיאָן שול־קאָנפערענץ אין באַראַנאָוויטש) — „טאָג", 28 נאָוועמבער 1927, נומ' 27.

פּייערונג פון 25־יאָריקן יובילי פון דער אָוונט־שול י. ל. פּרץ — „טאָג", 23 אַפּריל 1926, נומ' 93.

פלורעמאַכער ג. די ווילנער יידישע פאָלקס־שולן — „טאָג", 23 יוני 1919, נומ' 37; וואָס זאָל מען טאָן מיטן קינדערהיים „אחיעזר" — „טאָג", 26 יוני 1919, נומ' 40; די ווילנער יידישע פאָלקס־שולן אין לערניאָר 1918—1919 — „טאָג", 19, 20 יולי 1919, נומ' 86, 87; דער אמת וועגן „תורת אמת" — „טאָג", 8 אויגוסט 1919, נומ' 77; די ערשטע יידישע רעאַל־גימנאַזיע. איר אַנטשטייאונג און איר אָרט אין מאָדערנעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן — „טאָג", 17 אויגוסט 1923, נומ' 191; דער קאַטאַסטראָפאַלער מצב פון ווילנער יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן — „טאָג", 10 יוני 1925, נומ' 107; די קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע איינלעבונג אויף דער ווילנער פּראָווינץ — „טאָג", 16 אָקטאָבער 1925, נומ' 214; נאָך דער לעצטער אינטערנאַציאָנאַלער שול־באַראַטונג אין ווילנע — „טאָג", 3 סעפּטעמבער 1926, נומ' 205; דער חג־האסיף אין דער 7־קלאַסיקער פאָלקס־שול „ד. קופערשטיין" — „טאָג", 8 אָקטאָבער 1926; קולטור־בילדער פון אונזער פּראָווינץ — „טאָג", 8 נאָוועמבער 1928, נומ' 258; די קולטורעלע נייעס פון דער ווילנער פּראָווינץ — „טאָג", 17 אויגוסט 1928, נומ' 193; דער קולטור־לעבן פון דער שטאָט ווילנע — „דער ווילנער", ניו־יאָרק 1929, ז' 49—52.

פּלענום פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע פון ווילנער פּראָווינץ — „טאָג", 26 אָקטאָבער 1924, נומ' 246.

צוזאַמענפאָר פון די פּראָווינציעלע לערער אין ווילנע — „פריינד", 3, 8 אַפּריל 1921, נומ' 75, 78.

צוקערמאַן ברוך. ווילנע — די שטאָט פון דעם יידישן קינד — „טאָג", 23 מערץ 1922, נומ' 371.

צינצינאַטוס א. וועגן א לעקטאָראַט פאַר דער יידישער און העברעאישער שפּראַך אין ווילנער אוניווערסיטעט — „צייט", 19 נאָוועמבער 1929, נומ' 1162.

צענטראַלער־בילדונגס־קאָמיטעט אין ווילנע און זיין טעטיקייט — „טאָג פאַר אַמעריקע", 1921, ז' 28—30.

קאַן פּנחס. די יידישע סטודענטנשאַפט אין ווילנער אוניווערסיטעט פאַר די יאָרן 1919—1922 — „פּנקס", 1922, ז. 773—811.

קאַזשדאַן ח. ש. צו די, וואָס זיינען געקומען (צו די אַבסאָלווענטן פון ערשטן אַרויסלאָז פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע) — „שול און לעבן", וואַרשע 1926, נומ' 2, ז' 12—14.

ק—ס. דער ערשטער סיום פון דער יידישער הומאַניסטישער גימנאַזיע אין ווילנע — „טאָג", 27 יוני 1927, נומ' 146.

ראָזענטאַל ס. דער ערשטער אָנהויב [די ערשטע יידישע אָוונט־שול אין ווילנע] — „רוימער פּנקס", וואַרשע 1924, נומ' 2, ז' 152—159.

רובין י. דער יידישער צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט אין ווילנע — „פּנקס", 1922, ז' 715—725.

רודניצקי מנחם. די פּראָווינציעלע לערערשאַפט — „פריינד", 20 אַפּריל 1921, נומ' 87.

רייזען ז. דער ערשטער נצחון [ערשטער אַרויסלאָז פון לערער־סעמינאַר] — „ליט. בלעטער", וואַרשע 1926, נומ' 92, ז' 96—97; ווילנע אַלס יידישער קולטור־צענטער — „ייד. ווילנע אין וואָרט און בילד", ווילנע 1925, ז' 9—10.

שאַבאַד צ., ד"ר. ביים 25 יאָר צוריק (צו דער געשיכטע פון דער ערשטער ווילנער אָוונט־שול) — „טאָג", 19 אַפּריל 1926, נומ' 89; 10 יאָר צ. ב. ק. — „טאָג", 1929, נומ' 137.

שאַליט משה. אונזער געזעלשאַפטלעכקייט. קולטור — „לעבן" 1, ווילנע 1920, ז' 22—25. ווילנער קולטורעלע אַנשטאַלטן (ביבליאָטעקן, שולן), ווילנע 56 ז.

שאַפּירא ש. מ. וועגן א צוזאַמענפאָר פון פּראָווינץ־לערער — „טאָג", 20 סעפּטעמבער 1926, נומ' 219.

שול־פּנקס. פינף יאָר אַרבעט פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט. 1919—1924. ווילנע. אַרויסגעגעבן פון צ. ב. ק., 1924, 391 ז.

ש. מ. די שול אויף דער פּראָווינץ — „ייד. צייטונג", 17 יולי 1919, נומ' 58.

ג.

אן אויפרוף וועגן ביבליאָטעקן — „ייד. צייטונג", 17 יולי 1919, נומ' 56.

אש שלום און סטראַשונס ביבליאָטעק — „טאָג", 15 יוני 1922, נומ' 894.

באַלאַבאַן מ., פּראָפ. אונזערע קונסט־ און קולטור־אוצרות — „ליט. בלעטער", 1929, 44 ז', ז' 851—860 [צווישן אַנדערע וועגן דער סטראַשון־ביבליאָטעק].

באַריכט פון דער קינדער־ביבליאָטעק ביים צ. ב. ק. אין ווילנע — „ליטעראַרישע בלעטער", 1295, נומ' 47.

ביבליאָטעק־קאָנפערענץ [פאָרגעקומען אין ווילנע דעם 27 יאַנואַר] — „אונזער שטימע", ווילנע, 30 יאַנואַר 1919, נומ' 25.

דוואָרזשעצקי מאַרק. א פּאָר ווערטער וועגן סטראַשונס ביבליאָטעק — „צייט", 3 יאַנואַר 1929, נומ' 900.

ווינרייך מ. רמוונער ביכער־גרענער — „טאָג", 25 יולי 1926, נומ' 170.

ווייסבאָרד הנה. די קינדער־ביבליאָטעק בײַם ייִדישן צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט אין ווילנע — „פּנקס“, ווילנע 1922, ז' 767—773.

ווירסובסקי א., ד"ר. אידעאַליזם אין באַסטריפּליוב (אײַנדרוקן פון ס. בונימאָוויטשעס ביבליאָטעק) — „צײַט“, 1 פעברואַר 1929, נומ' 926.

וויזעלצינסקי יוסף. מצב די געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן — „טאָג“, 23 יולי 1919 נומ' 63.

יורלס א. די נײַע פּנימער אין דער אַלטער שטראַשון־ביבליאָטעק — „טאָג“, 30 נאָוועמבער 1929, נומ' 274.

יונגער כלל־טוער, א. אויף וואָס דאַרף מען אויס א „מציצי הכלה“ [וועגן דער ביבליאָטעק] — „אונזער שטימע“, ווילנע, 26 פעברואַר 1919, נומ' 47; אונזערע אויפגאַבן אויפן ביבליאָטעק־געביט אין ליטע — „פאָלקסבילדונג“, ווילנע 1919, נומ' 1, ז' 25—27, נומ' 2, ז' 13—17.

לונסקי חייקל. שטראַשונס־ביבליאָטעק — „טאָג פאַר אַמעריקע“, ווילנע 1921, ז' 43—45; מתתיהו שטראַשונס ביבליאָטעק אין ווילנע — „ביכער־וועלט“, וואַרשע 1922, נומ' 3, ז' 262—263; שטראַשונס־ביבליאָטעק זאָל פאַרגרעסערט ווערן — „טאָג“, 16 סעפּטעמבער 1926, נומ' 214.

פעורין אַלטער. די ביבליאָטעק אין לעבעדיעוו — „אונזער הלקח“, ווילנע 1922, נומ' 7, ז' 5—7.

סטראַשון י. און לונאַצקי ג. אויסרוף וועגן די הײַנט געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן — „טאָג“, 14 יולי 1919, נומ' 55.

עפענונג פון דעם סטודיר־צימער אויפן נאָמען פון ד"ר פ. רעזענטאַל — „טאָג“, 3 מערץ 1925, נומ' 25.

פון דער שטראַשון־ביבליאָטעק (קאָמוניקאַט) — „טאָג“, 9 יאַנואַר 1928, נומ' 7.

פלודערמאַכער ג. די קינדער־ביבליאָטעק בײַם ווילנער צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט — „טאָג“, 12 יולי 1929, נומ' 161.

ציטווילייקער א. 25־טער יובל פון א ביבליאָטעק (ראַקאָוו בײַ אָליעבנאָוויטש) — „טאָג“, 24 יוני 1927, נומ' 144.

קאַן פ. די ביבליאָטעק פון טאַדעאוש ווריבלעווסקי — „טאָג“, 21 מײַ 1926, נומ' 115.

ר. מ. פאַר די קליינע לעזערס וועגן (די ייִדישע קינדער־ביבליאָטעק) — „טאָג“, 21 מערץ 1921, נומ' 68.

שאַליט מ. ביבליאָטעקן — לוח „פון יאָר צו יאָר“, 1928, ז' 131—189.

סאַרסער ב. אויפן אַלטן באַלעבאַטישן שטײַגער [וועגן דער ווילנער שטראַשון־ביבליאָטעק] — „קונסט און לעבן“, ווילנע 1926, נומ' 2.

שטראַשון־ביבליאָטעק — „טאָג“, 4 יאַנואַר 1922, נומ' 1067.

שניירער מ. ג. פּלאַנק־שילן פאַר ייִדי־געלערנטע (וועגן רעאָרגאַניזירן די שטראַשון־ביבליאָטעק) — „טאָג“, 26 נאָוועמבער 1919, נומ' 165; א נײַער קולטור־אַנשטאַלט (צו דער גרינדונג פון א נײַער ביבליאָטעק בײַ „סתרת הקודש“) — „פרײַנד“, 10 מערץ 1922, נומ' 59.

ג.

אבראַמאָוויטש ה"ש. צו דער טעטיקייט פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט — „טאָג“, 23 פעברואַר 1923, נומ' 1108; א יש מאין (וועגן ייוו"א) — „פרײַער געדאַנק“, ווילנע 1927, נומ' 5—6, ז' 62—64; צו דער ערעפענונג פון קאָנפערענץ פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „צײַט“, 24 אָקטאָבער 1919, נומ' 1144.

אויפרוף פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „טאָג“, 4 אָקטאָבער 1925, נומ' 203.

אויפרוף פון דער היסט.־עטנאָגר.־געזעל. — „טאָג“, 9 יאַנואַר, 4 פעברואַר 1920, נומ' 8, 30, 10 אַפּריל 1921, נומ' 81.

בעל־רמזין. דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (א יאָר באַריכט) — „וואַרשעווער שריפטן“ 1926—1927, וואַרשע 1927, ז' 1—15.

גאָלאָמב א. מאָמענטן פון דער ייוו"א־קאָנפערענץ — „טאָג“, 4 נאָוועמבער 1929, נומ' 255.

ג—רם א. י. די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט [די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג] — „אונזער שטימע“, ווילנע, 26 נאָוועמבער 1919, נומ' 47.

דרוגאָוו ס. די היסטאָרישע באַדײַטונג פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „טאָג“, 25 אָקטאָבער 1929, נומ' 248; „ליט. בלעטער“, וואַרשע 1929, נומ' 43, ז' 836—837.

די אָרגאַניזאַציע פון דער ייִדישער וויסנשאַפט — דריטע געבעסערטע אויפלאַגע, ווילנע 1925, ז' 1.

הירשאָווסקי י. די ייִדישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט — „טאָג“, 14 דעצעמבער 1924, נומ' 287.

וואָס האָט אויסגעטאָן דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (באַריכט פון דער פּרעסע־קאָנפערענץ) — „ליט. בלעטער“, וואַרשע 1926, נומ' 137.

ווײַנרײַך מאַקס, ד"ר. א טאָג־קאָרעספּאָנדענץ אין ייוו"א — „ליט. בלעטער“ 1928, נומ' 12, ז' 238; באַריכט פון דער קאַמפּאַניע פאַר דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „טאָג“, 6 סעפּטעמבער 1929, נומ' 209; וואָס די קאָנפערענץ פאַר דעם ייוו"א האָט אויפגעטאָן — „ליט. בלעטער“, 1929, נומ' 40, ז' 775—776.

Z. צוויי יאָר אַרבעט פאַר דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „טאָג“, 1 יולי 1927, נומ' 150.

ידיעות פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „ליט. בלעטער“, וואַרשע 1926, 1927, 1928, 1929.

ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט [באַריכט] — „אין שפּאָן“, ווילנע 1926, באַנד 1, ז. 158—162.

לונסקי חייקל. די ייִדישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט — „לעבן“, 1920, 1, ז' 12—14; „טאָג פאַר אַמעריקע“, ווילנע 1921, ז' 45—47; „פּנקס“, ווילנע 1922, ז' 855—865; „טאָג“, 9 דעצעמבער 1926, נומ' 282; „צײַט“, 9 דעצעמבער 1926.

ל. י. פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט — „ייִד. צײַטונג“, 10 יולי 1919, נומ' 52.

מייזיל נחמן. צו דער קאָנפערענץ פון ייוו"א — „ליט. בלעטער“, 1929, נומ' 39, ז' 761, נומ' 44, ז. 855—859; „יוגנט־גרוס צום דער ייוו"א — „טאָג“, 25 אָקטאָבער 1929, נומ' 248.

ערשטע ייוו"א־קאָנפערענץ אין ווילנע — „צײַט“, 28, 29 אָקטאָבער 1929, נומ' 1146, 1147.

פאַרזאַמלונג וועגן דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פון 7—12 אויגוסט 1925, בערלין 1925, 16 ז.

פון דער ייִדישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט — „טאָג“, 22 אויגוסט, 24 דעצעמבער 1919, נומ' 80—189.

צוויי יאָר אַרבעט פאַר דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. א באַריכט פון דער צײַט פון מערץ 1925 ביז מערץ 1927. ווילנע 1927, ז' 84 + VII.

קאַלמאַנאָוויטש ז. דער וועג פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „טאָג“, 25 אָקטאָבער 1929, נומ' 248.

שאַליט משה. וועגן פאַראייניקן די היסט.־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט מיט דעם ייוו"א — „ליט. בלעטער“, וואַרשע 1928, נומ' 39, ז' 763; פון אַנ־סקי־אַרכיוו, רעגערעס אין דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט — „צײַט“, 8 מײַ 1929, נומ' 1003; דער אַלבאָם און די חפצים פון י. ל. פּרץ אין ווילנער ייִדישן מוזיי [בײַ דער היסט.־עטנ.־געזעלשאַפט] — „ליט. בלעטער“, וואַרשע 1925, נומ' 49—50; מוזייען. לוח פון „יאָר צו יאָר“ 1928, ז' 175—180; דער אַנ־סקי־אַרכיוו. זײַן אינהאַלט און ווערט — „ליטער. בלעטער“, וואַרשע 1929, נומ' 16.

שאַצקי יעקב, ד"ר. אַמעריקאַנער געלערנטע וועגן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „טאָג“, 29 אויגוסט 1929, נומ' 202.

ד.

אַבי־ווער. ווילביג־אָוונטן — „טאָג“. 2 אַפּריל 1929, נומ' 79.

ב. י. די וויסנשאַפטלעכע קורסן בײַ ווילביג — „טאָג“, 30 אָקטאָבער 1929, נומ' 251.

די נשמה פון „בין“ [יוגנט־קלוב בײַ ווילביג] — „טאָג“, 31 דעצעמבער 1928, נומ' 303.

דרייער ס. ווילנער געזאַנג־פאַראיין (ווילביג־כאָר) — „טאָג“, 28 מערץ 1929, נומ' 75; וועגן ווילביג־כאָר — „טאָג“, 5 אַפּריל 1929, נומ' 82.

ווײַנרײַך מ. די ווילביג — א נײַע קולטור־פּאָזיציע אין ווילנע — „טאָג“, 23 דעצעמבער 1924, נומ' 292.

ווילנער ייִדישע בילדונגס־געזעלשאַפט (ווילביג) — „ייִד. ווילנע אין וואָרט און בילד“, ווילנע 1925, ז' 48.

מעם. אונזערע געזעלשאַפטן — „מכבי“ — „ווילביג“ — „טאָג“, 22 מערץ 1929, נומ' 70.

עמרם. צוויי יאָר ווילביג — „טאָג“ 22 נאָוועמבער 1926, נומ' 267.

פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע קורסן אין ווילנע [בײַ ווילביג] — „צײַט“, 21 אָקטאָבער 1929, נומ' 1141.

פלודערמאַכער. די ייִדישע בילדונגס־געזעלשאַפט — „טאָג“, 26 סעפּטעמבער 1923, נומ' 223.

ה.

אויפרוף פון דער ייִדישער טעאַטער־געזעלשאַפט — „טאָג“, 12 אָקטאָבער 1919, נומ' 128; „ייִד. צײַטונג“, 13 אָקטאָבער 1919, נומ' 128.

באַזוכער א. די אויסשטעלונג פון די ווילנער ייִדישע קינסטלער — „טאָג“, 5 אַפּריל 1923, נומ' 1141.

בערנשטיין א. מ. די מוזיק אין ווילנע — „פּנקס“, ווילנע 1922, ז' 683—689; א שמועס מיטן כאָר פון ווילביג (צו זײַן ערשטן קאָנצערט) — „טאָג“, 21, 23 יאַנואַר 1927, נומ' 18, 19; מוזיקאַלישער פּנקס. ניגונים־זאַמלונג פון ייִדישן פאָלקס־אוצר — ערשטער בוך [מיט א פאָרוואָרט פון משה שאַליט וועגן דעם ווי אַזוי די מוזיק־זאַמלונג פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין ווילנע איז דורכגעפירט געוואָרן]. אַרויסגעגעבן פון דער ייִד. היסטאָריש־עטנאָגר.־געזעלש. אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי ז"ל — ווילנע 1927.

דערצאַנסקי ראובן. די חזנים־פראַגע אין ווילנע (א סטאַטיסטיק פאַר די לעצטע 100 יאָר) — „צײַט“, 9 דעצעמבער 1927, נומ' 575.

האָראָוויץ ב. פרילינגס־אויסשטעלונג בײַם פאַראיין פון ייִדישע קינסטלער־פּלאַסטיקער — „טאָג“, 10 מײַ 1929, נומ' 108.

תו—ן ח. דער 10 יעריקער יובילעי פון דער ווילנער טרופּע — „טאָג“, 16 יולי 1926, נומ׳ 163.

תורוויץ ש. די יידישע אויסשטעלונג פאַר מלאכה און קונסט — „צייט“, 26 אַפּריל 1925, נומ׳ 340.

ווינאָגראָדסקי יעקב, ד״ר. דער יידישער טעאַטער אין ווילנע — „ייד. צייטונג“, 30 סעפט. 1919, נומ׳ 119.

ווייטער א. ווילנער טעאַטער — „די נייע וועלט“, ווילנע 1919, נומ׳ 1—2, ז׳ 111—115.

ווייניג נ. די לעגענדע פון ווילנע. וועגן אַן אויסשטעלונג פון הינע קינסטלער — „טאָג“, 15 אַפּריל 1927, נומ׳ 90; פון שול-הויף ביז גלעזער-גאַס [אויסשטעלונג פון ווילנער יונגע קינסטלער מיטן מאָטיוו פונעם ווילנער יידישן געטאָ] — „טאָג“, 27 אָקטאָבער 1927, נומ׳ 244; די קונסט פון די „ווילנער“ — „טאָג“, 9 דעצעמבער 1929, נומ׳ 285.

כהן ר. שול און טעאַטער (אַ שטים פון פּראָווינץ) — „ייד. צייטונג“, 16 דעצעמבער 1919, נומ׳ 182.

לייבאָווסקי משה. די קונסט אין ווילנע — „פנקס“, ווילנע 1922, ז׳ 619—629.

עלקין מ. די יידישע קונסט-געזעלשאַפט אין ווילנע — „טאָג“, 24 דעצעמבער 1921, נומ׳ 286.

פאַר יידן איז „רעדוטאַ“ געשלאָסן — „טאָג“, 20 יולי 1928, נומ׳ 168.

ראַזענבוים י. ח. די יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט אין ווילנע — „לעבן“, ווילנע 1920, העפט 1, ז׳ 10—12.

שאַבאַד צ., ד״ר. אַ יידישע קאָנסערוואַטאָריע — „טאָג“, 19 מײַ 1922, נומ׳ 415.

X. פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, מלאכה און לאַנדווירטשאַפט.

א.

אַבראַמאָוויטש ה. צו דער קאָנפערענץ וועגן פּראָפעסיאָנעלער בילדונג — „טאָג“, 10 פעברואַר 1922, נומ׳ 336.

אָקון י., אינזש. צום גירל פון די פּראָפעסיאָנעלע בילדונגס-אַנשטאַלטן ביי „אָרט“ — „טאָג“, 14 אויגוסט 1924, נומ׳ 191.

באַגריסונג פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג — „טאָג“, 14 מערץ 1922, נומ׳ 363.

—רו. אַ שמועס (די פּראָפעסיאָנעלע שול) — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 1—2, ז׳ 34.

ווינאָגראָדסקי י., ד״ר. פּראָפעסיאָנעלע בילדונג אין פּוילן און די יידן — „צייט“, 6 דעצעמבער 1925, נומ׳ 531.

ז—ר. ח. צו דער דיסקוסיע וועגן לערן-יינגלעך און רעכט אויף אַרבעט — „טאָג“, 11 יאַנואַר 1927, נומ׳ 9.

שאַליט מ. די יידישע פּראָפעסיעס אין ליטע. זאַמלבוך—„ליטע“, ווילנע 1919, העפט 2, ז׳ 46—53.

ב.

געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט“—„טאָג פאַר אַמעריקע“, ווילנע 1921, ז׳ 32—34.

„הילף דורך אַרבעט“ — „ייד. ווילנע אין וואָרט און בילד“, ווילנע 1925, ז׳ 71.

יובילעי - אויסגאַבע „הילף דורך אַרבעט“, 1903—1923. הענט-בוך פאַר פּראָפעסיאָנעלע שולן. ווילנע 1923, 88 ז. מיט בילדער.

יודלס א. וועגן „הילף דורך אַרבעט“ — „טאָג“, 7 אַפּריל 1927, נומ׳ 83.

לייבאָווסקי משה. אַן עקסקורסיע איבער דער אויסשטעלונג פון „הילף דורך אַרבעט“ — „טאָג“, 21 אָקטאָבער 1921, נומ׳ 241.

לעווין ח. „הילף דורך אַרבעט“ — „פריינד“, 19, 24 אָקטאָבער 1921, נומ׳ 230, 236; „הילף דורך אַרבעט“ (צו דער 20-יעריקער יובילעי-אויסשטעלונג) — „פריינד“, 24 סעפּטעמבער 1923, נומ׳ 219.

ערעפענונג פון די ערשטע האַנדלס-קורסן אין ווילנע „הילף דורך אַרבעט“ - „צייט“, 17 אָקטאָבער 1925, נומ׳ 489.

צבין. „הילף דורך אַרבעט“ אין ווילנע און „בצלאל“ אין ירושלים — „טאָג“, 25 אָקטאָבער 1921, נומ׳ 245.

שאַבאַד צ., ד״ר. „הילף דורך אַרבעט“ — „טאָג“, 8 יולי 1924, נומ׳ 259.

ש. מ. אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער ענין (וועגן „הד״א“) — „טאָג“, 4 אַפּריל 1927, נומ׳ 80.

ג.

א. דער סיום אין ווילנער יידישן טעכניקום — „טאָג“, 11 יוני 1925, נומ׳ 108.

אין ווילנער יידישן טעכניקום ביי „אָרט“ — „טאָג“, 5 יוני 1927, נומ׳ 129.

אָקון י., אינזש. טעכנישע קורסן — 2 יוני 1919, נומ׳ 21; צום אַרויסלאָז פון טעכניקום — „טאָג“, 24 יאַנואַר 1924, נומ׳ 48.

אַן אינזשעניער. אין ווילנער יידישן טעכניקום — „טאָג“, 8 יוני 1925, נומ׳ 105.

ג. צו דער פראַגע וועגן אַ יידישן טעכניקום אין ווילנע — „ייד. צייטונג“, 5 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 147.

ד—ל. דער יידישער טעכניקום און די געזעלשאַפט — „טאָג“, 11 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 152.

ווילנער יידישער טעכניקום — „טאָג“, 8 דעצעמבער 1922, נומ׳ 1042; „ייד. ווילנע אין וואָרט און בילד“, ווילנע 1925, ז׳ 68.

טעכנישע קורסן — „טאָג“, 1 יולי 1919, נומ׳ 44.

ס—קי ל. צו דער אויסשטעלונג פון ווילנער יידישן טעכניקום - „פריינד“, 7 יוני 1923, נומ׳ 131.

ק—ס. דער ערשטער סיום פון יידישן טעכניקום — „טאָג“, 28 פעברואַר 1924, נומ׳ 51.

ק ר. דער יידישער טעכניקום אין ווילנע — „טאָג“, 7 יוני 1925, נומ׳ 382.

קרעמער א. וועגן לימוד פון יידיש אין יידישן טעכניקום — „טאָג“, 24 אָקטאָבער 1926, נומ׳ 247.

X. פון די טעכנישע קורסן — „לעצטע נייעס“, ווילנע, 16 יאַנואַר 1919, נומ׳ 13.

ד.

אַבראַמאָוויטש הירש. אין אַ יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול — „צייט“, 13, 15, 16 סעפּטעמבער 1929, נומ׳ 1112, 1113, 1114.

אַ גרויע. וועגן ערד-אַרבעט — „טאָג“, 4 אויגוסט 1919, נומ׳ 73.

אויסבוי פון יידישע קאָלאָניסטן פון ווילנער געגנט — „טאָג“, 21 מײַ 1926, נומ׳ 115.

באָרשטיין וו. אַ וואָרט פון אַ לאַנדווירט — „טאָג“, 26 יאַנואַר 1927, נומ׳ 22.

געל-רמין. דער יידישער מוזשיק [וועגן יידן און ערד-אַרבעט] — „טאָג“, 4, 5 פעברואַר 1926, נומ׳ 30, 31.

ג. ש. וועגן ערד-אַרבעט און „ווילסאָר“ — „טאָג“, 2 יאַנואַר 1929, נומ׳ 2; דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די לאַנדווירטן פון ווילנע און געגנט — „טאָג“, 5 מײַ 1929, נומ׳ 103.

געגרינדעט אַ יידישן פאַרבאַנד פאַר לאַנדווירטשאַפט — „טאָג“, 8 דעצעמבער 1926, נומ׳ 282.

געוועזענער שילער, א. וועגן דער קאָלאָניע וועליטשאַני — „טאָג“, 9 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 150.

געזונטהייט י. אַ נייע יידישע פּאָזיציע אין ווילנע [וועגן יידישער ערד-אַרבעט] — „טאָג“, 18 יאַנואַר 1927, נומ׳ 15; צום צוזאַמענפאָר פון „ווילסאָר“ — „צייט“, 29 אַפּריל 1929, נומ׳ 997.

גערטנער פאַר די פולן — „טאָג“, 8 יאַנואַר 1920, נומ׳ 8.

דראַכלע מ. ח. די מאַמע ערד—„פרייער געדאַנק“, ווילנע 1927, נומ׳ 5—6, ז׳ 43—46.

ויאָלאָשין א. אונזערע יונגע קאָלאָניסטן — „טאָג“, 7 יוני 1919, נומ׳ 23.

ח Don. וועליטשאַני (איינדרוקן פון אַ יידישער קאָלאָניע) — „טאָג“, 12 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 153.

ווינאָגראָדסקי יעקב, ד״ר. דער „חג-האָסיף“ אין וועליטשאַני — „ייד. צייטונג“, 12 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 153.

ווירטשאַפטלעכע שול אין וועליטשאַני — „טאָג“, 20 אַפּריל 1920, נומ׳ 86.

וואַנדערונג פון 19 פאַמיליעס יידישע ערד-אַרבעטער — „טאָג“, 20 אַפּריל 1927, נומ׳ 92.

„חג-האָסיף“ אין וועליטשאַני — „טאָג“, 16 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 156.

יידישע ערד-ווירטשאַפט — „טאָג“, 18 דעצעמבער 1919, נומ׳ 159.

יצחקי (י. וואָלק). יידישע קאָלאָניעס אין אונזער געגנט (רעקשנע, לייפּון, מאַנאַסטירעק) — „ייד. צייטונג“, 1919, נומ׳ 86.

לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָנפערענץ פון „אָרט“ — „טאָג“, 4 מערץ 1923, נומ׳ 1115.

לאַנדווירטשאַפטלעכע שול אין וועליטשאַני — „טאָג“ 9 יאַנואַר 1920, נומ׳ 8.

לאַפּקעס יעקב. וועגן אויסערשוליקער לאַנדווירטשאַפטלעכער בילדונג — „טאָג“, 5 דעצעמבער 1919, נומ׳ 173.

ערשטע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָנפערענץ — 1 מערץ 1920, נומ׳ 52.

פאַק י. גערטנעריי-אַרבעט ביי יידן — „טאָג“, 23, 29 אַפּריל 1925, נומ׳ 66, 72.

פייגין ח., אַגר. גימטריק, פּאָסראַוויעק, סעלעסעניק, זשערמוני (לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט) — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, ז׳ 31—33; די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין דער נאָענטער צוקונפט — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 4—5, ז׳ 5—9; לעבעדעווע, קורעניעץ, ניוואָקי (קאָלאָניע), ווילייקע, עלסאַן, קרעווע, באַרון, ראַדאָשאַנקע, דובראַווע, אָסטרין און סטשוטשין (לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט) — „אונזער הילף“, ווילנע 1921, נומ׳ 4—5, ז׳ 26—31; די יידישע לאַנדווירטשאַפט אין ווילנער געגנט (מעמאָראַנדום) — „אונזער הילף“, 1921, נומ׳ 9—12, ז׳ 23—29; די יידישע לאַנדווירטשאַפט אין ווילנער געגנט און דער פּלאַן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט — „אונזער הילף“, 1923, נומ׳ 1—2, ז׳ 19—24.

פלירעמויז ל. מ׳דאַרף צוטרעטן צו דער אַרבעט! [וועגן לאַנדווירטשאַפט אינעם ווילנער געגנט] — „טאָג“, 23 יאַנואַר 1927, נומ׳ 19.

קאָלאָניע וועליטשאַני — „טאָג“, 24 יוני, נומ׳ 138.

רובשטיין ב. דער וועג צו ערד-אַרבעט — „נייע וועלט“, ווילנע 1919, נומ׳ 1—2, ז׳ 60—71.

שאַבאַד צ., ד״ר. צו דער פאַרוואַלטונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין וועליטשאַני — „טאָג“, 10 נאָוועמבער 1919, נומ׳ 151; נייע וועגן [וועגן ערד-אַרבעט אויף די קרעסן] -

"פֿרײַער געדאַנק", נומ' 5—6, ווילנע 1927, ז' 10—28; נאָך וועגן אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניע מיט אַ מוסטער-פֿערמע — "טאָג", 27 נאָוועמבער 1928, נומ' 274.

שאַטענשטיין מ. י., אַדוו. וועגן היפּאָטעק-רעגולירונג פון בויש-ערד — "אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 1—2, ז' 27—29.

שאַפּיראָ י. די שטאָטישע ערד און די ייִדן — "טאָג", 2 דעצעמבער 1919, נומ' 170.

ה.

אויסבוי-פּלאַן פון "אָרט" — "אונזער הילף", 1923, נומ' 5—12, ז' 14—17.

אויפֿרוף פון "אָרט" צו דער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין פּוילן — "טאָג", 29 מאַי 1923, נומ' 122; "פֿרײַנד", 29 מאַי 1923, נומ' 122.

אויפֿרוף צו דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פון געזעלשאַפֿט "אָרט", אונטערגעשריבן ד"ר צ. שאַבאַד, מ. שאַליט, א. קרוק, ד"ר א. מאַקאָווער — "טאָג", 5 דעצעמבער 1919, נומ' 173.

אין צענטראַל-ראַט פון "אָרט" — "אונזער געדאַנק", 6 יאַנואַר 1922, נומ' 1.

אַ מיליאָן-דאָלאַר-אַקציע פאַר "אָרט" — "טאָג", 27 נאָוועמבער 1924, נומ' 273.

"אָרט" — "טאָג פאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 23—25; "פּנקס", ווילנע 1922, ז' 851—855; "ייִד. ווילנע אין וואָרט און בילד", ווילנע 1925, ז' 65.

"אָרט" פאַר דער ייִדישער מלאכה און לאַנדווירטשאַפֿט — "טאָג", 5 פֿעברואַר 1925, נומ' 5.

באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דעם "אָרט"-פֿאַרבאַנד פאַר דער צײַט פון 1921—1926, בערלין 1926, 175 ז.

באַריכט פון ווילנער "אָרט" פאַרן יאָר 1922 — "אונזער הילף", ווילנע 1923, נומ' 3—4, ז' 7—28.

בעל-מלאכה א. די געזעלשאַפֿט "אָרט" און די ייִדישע בעלי-מלאכות — "טאָג", 5 מערץ 1920, נומ' 56.

גאָלאָמב א. אויף דער אויסשטעלונג פון "אָרט" — "טאָג", 18 יוני 1923, נומ' 39.

געזעלשאַפֿט "אָרט" — "טאָג", 8 פֿעברואַר 1920, נומ' 33.

דאַבינסאָן א. די קאָנפֿערענץ פון "אָרט" — "פֿרײַע וואָרט", ווילנע, 27 אויגוסט 1921, נומ' 28.

ד. א. נאָכן צוזאַמענפֿאָר פון "אָרט" — "אונזער געדאַנק", 3 מערץ 1923, נומ' 9.

ווינגאָרסקי יעקב, ד"ר. די געזעלשאַפֿט "אָרט" אין ווילנע — "פֿרײַנד", 8 יולי 1921, נומ' 150.

זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט פון "אָרט" — "טאָג", 14 סעפּטעמבער 1926, נומ' 212.

לוי. "אָרט" און די אַרבעטער — "אונזער געדאַנק", ווילנע, 2 יוני 1923, נומ' 17.

ליטוואַק א. "אָרט" — "אונזער געדאַנק", ווילנע, 20 יאַנואַר 1923, נומ' 3.

עפֿענונג פון דער "אָרט"-אויסשטעלונג — "טאָג", 7 יוני 1923, נומ' 30.

פאַר ייִדישע מלאכה און לאַנדווירטשאַפֿט [וועגן "אָרט"] — "טאָג", 15 מאַי 1923, נומ' 13.

"פּיפּלס-רעליעף" און "אָרט" זיך פֿאַראייניקט — "טאָג", 26 סעפּטעמבער 1923, נומ' 120.

צו דער ייִדישער געזעלשאַפֿט [אויפֿרוף פון "אָרט"] — "טאָג", 2 יאַנואַר 1922, נומ' 302.

צו דער ליקווידאַציע פון פּיפּלס-רעליעף-"אָרט" — "טאָג", 20 אַפּריל 1924, נומ' 92.

צווייטער לאַנד-צוזאַמענפֿאָר פון "אָרט" — "טאָג", 14 אַפּריל 1926, נומ' 85.

צוזאַמענפֿאָר פון "אָרט" — "טאָג", 19 מאַי 192, נומ' 115.

שאַבאַד צ., ד"ר. "אָרט" — "פֿרײַער געדאַנק", ווילנע 1926, נומ' 2, ז' 13—16; "אָרט" און אַרבעט — "טאָג", 31 אָקטאָבער 1927, נומ' 247.

ו.

אַלעקסאַנדראָוויטש ל. נימערוס קלאַוזוס אין האַנדל און מלאכה — "טאָג", 24 סעפּטעמבער 1924, נומ' 226.

א. מ. דאָס נײַע האַנטווערקער-געזעץ אַ סכּנה פאַרן ייִדישן בעלי-מלאכה — "צײַט", 17 יולי 1925, נומ' 417.

בורגין י. אונטערן יאָך פון די געוואַלדיקע שטײַערן — "טאָג", 23 סעפּטעמבער 1924, נומ' 225.

גרוידעס יצחק. דער ייִדישער האַנדל און אינדוסטריע אין דער צײַט פון דער אָקופּאַציע — "פּנקס", 1922, ז' 463—499.

ראַבינסקי א. וועגן לערן-ייִנגלעך — "אונזער צײַט", ווילנע, 11 מערץ 1922, נומ' 9; צו דער פֿראַגע וועגן לערן-ייִנגלעך — "אונזער געדאַנק", ווילנע, 24 נאָוועמבער 1923, נומ' 36.

"דער ייִדישער האַנטווערקער אין ווילנע", אָרגאַן פון צענטראַלן ייִדישן האַנטווערקער-פֿאַראיין אין ווילנער קאַנט — יובֿילײַ-אויסגאַבע 1916—1926, ווילנע, 40 ז.

האַלע-קרעמער א. אַ געשריי אין רעדאַקציע — "טאָג", 16 דעצעמבער 1924, נומ' 289.

האַנטווערקער-צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע — "צײַט", 29 מאַי 1928, נומ' 716.

הורוויץ ש. וועגן מלאכה און לערן-ייִנגלעך-פֿראַגע (אַ שמועס מיט אַ בעלי-מלאכה) — "אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 4—5, ז' 9—11; ווי האָט אויסגעזען די מלאכה אין ווילנע פאַר דער מלחמה — "ייִד. האַנטווערקער", ווילנע 1921, ז' 6—12; די האַנטווערקער און "אָרט" — "פֿרײַנד", 5 יוני 1923, נומ' 129; דער האַנטווערקער און זײַן קרעדיט — "טאָג", 11 יוני 1924, נומ' 136; דער ווײ-געשריי פון ייִדישן בעל-מלאכה — "צײַט", 8 דעצעמבער 1925, נומ' 533; פון דער אַקציע פון פּראָדוקטיווער הילף פאַרן האַנטווערקער — "טאָג", 27 יאַנואַר 1926, נומ' 23.

ווינגאָרסקי יעקב, ד"ר. אָרגאַניזאַציע פון ייִדישן האַנדל — "ייִד. צײַטונג", 30 יוני 1919, נומ' 43; וועגן די הענדלער און האַלע — "טאָג", 2 יאַנואַר 1920, נומ' 2; "ייִד. צײַטונג", 20 יאַנואַר 192, נומ' 2.

ווילנער ייִדישע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע — "טאָג", 5 יוני 1927, נומ' 129.

וועווייער ה. נאָכן קליינהענדלער-צוזאַמענפֿאָר — "טאָג", 6 מערץ 1929, נומ' 56.

ואַקס י. דער ייִדישער האַנדל, אינדוסטריע און מלאכה אין ווילנע (סטאַטיסטישע ידיעות) — "טאָג", 19 יוני 1921, נומ' 140.

סוערניכאָוו יוסף. דער פּליוס מיט דעם ייִדישן בעלי-מלאכה — "פֿרײַער געדאַנק", ווילנע 1926, נומ' 2, ז' 15—22.

ייִדישע מלאכה אין ווילנע — "טאָג", 16 מאַי 1923, נומ' 14.

כאַווקין משה. אַ שמועס מיט אַ פּראָווינציעלן סוחר — "טאָג", 11 מאַי 1924, נומ' 111; צו דער לאַגע פון די האַנטווערקער אויף דער פּראָווינץ — "טאָג", 10 נאָוועמבער 1924, נומ' 258.

ליכטמאַכער ש. 5 יאָר אַרבעט [פון ייִד. האַנטווערקער-פֿאַראיין] — "ייִד. האַנטווערקער" ווילנע 1921, ז' 16—36.

מלמד ח. נײַע פֿאָרמען פון מלאכה און האַנדל — "אונזער הילף", 1922, נומ' 7, ז' 7—12.

סוחרים-צוזאַמענפֿאָר פון ווילנער געגנט — "טאָג", 4 מאַי 1926, נומ' 102.

סעניצקי מ. די פֿאַרזאָרגונג פון יתום מיט מלאכה — "פֿרײַנד", 18 מאַי 1923, נומ' 115.

ס. מ. וועגן פּראָדוקטיווער הילף פאַר האַנטווערקער — "טאָג", 7 פֿעברואַר 1926, נומ' 32.

פֿײַגין ח. דער קאַמף פאַר אונזער ווירטשאַפֿטלעכער עמאַנסיפּאַציע. די נאָענטסטע אויפֿגאַבן פון דער ייִדישער מלאכה און אַרבעט — "צײַט", 29, 30 אויגוסט 1929, נומ' 1099, 1100.

פֿרומקין ב. מאַטעריאַלן צו דער פֿראַגע וועגן דעם מצבֿ פון מלאכה אין פּראָווינץ — "אונזער הילף", 1921, נומ' 9—12, ז' 19—23.

פֿרידמאַן יוסף. דער צעכן-געזעץ און די ייִדישע האַנטווערקער — "טאָג", 30 סעפּטעמבער 1927, נומ' 226.

קאַטאַסטראָפֿאַלע לאַגע פון די ווילנער ייִדישע סוחרים און קליינהענדלער — "טאָג", 17 מערץ 1929, נומ' 65.

קאַמף מיטן ייִדישן האַנדל און אינדוסטריע — "טאָג", 16 אָקטאָבער 1924, נומ' 241.

קאָנפֿערענץ פון פּראָווינציעלע סוחרים — "טאָג", 4 אַפּריל 1927, נומ' 80.

ק—ס. דער יום-טובֿ פון דער ייִדישער מלאכה-אויסשטעלונג — "טאָג", 1 מאַי 1925, נומ' 74.

קרוק אליעזר. צום 5 יאָריקן יובֿילײַ פון ווילנער ייִדישן האַנטווערקער-פֿאַראיין — "ייִד. האַנטווערקער", ווילנע 1921, ז' 1—4; צענטראַלער ייִדישער האַנטווערקער-פֿאַראיין אין ווילנע — "פּנקס", ווילנע 1922, ז' 837—839.

ראַזענבלום מענדל. ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דער האַנטווערקער-פֿאַראיין? — "דער ייִד. האַנטווערקער" 1921, ז' 14—15.

שאַפּיראָ יונה. מסחר און אינדוסטריע אין דער עפּאָכע פון מיטל-ליטע — "פּנקס", ווילנע 1922, ז' 429—513.

ש—א י. וועגן ייִדישן מסחר — "טאָג", 5, 12, 20 יוני, 7, 18 יולי 1919, נומ' 19, 22, 28, 35, 49, 59.

שוקסטעלישסקי יונה. אַ בלעטל געשיכטע (זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער) — "ייִד. האַנטווערקער", ווילנע 1921, ז' 12—13.

XI. קהילות.

א.

אויפֿרוף פון דער ייִדישער קהילה צו דער ווילנער באַפֿעלקערונג — "טאָג", 24 אויגוסט 1919, נומ' 30.

באַריכטן פון דער ווילנער קהילה ז. אויבן זײַט 949, 969.

גערנער י., ד"ר. די קהילה און די שול — "טאָג", 20 אָקטאָבער 1919, נומ' 133.

גאָלאָמב א. די באַטאַטשטע קהילה — "טאָג", 6 אויגוסט 1929, נומ' 182.

ר—ן. די ווילנער קהילה — "טאָג", 30 אָקטאָבער 1919, נומ' 142.

ווינגאָרסקי י., ד"ר. צו דער אויסבויאונג פון דער ווילנער ייִדישער קהילה — "ייִד. צײַטונג", 22 יוני 1919, נומ' 36; צום קהילות-צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע — "צײַט", 18 מאַי 1924, נומ' 65; זעלבסטבאַשטײַערונג — "אונזער הילף", ווילנע 1921, נומ' 1—2, ז' 19—20; די קהילות און זייערע פֿינאַנציעלע מקורים — "אונזער הילף", 1921, נומ' 7—8; די "צדקה גדולה" — "ייִד. צײַטונג", 8 יולי 1919, נומ' 50.

Z. די דעמאָקראַטישע קהילה אין ווילנע — "טאָג פאַר אַמעריקע", ווילנע 1921, ז' 49—51.

ליטוואַק א. קולטורעלע אויטאָנאָמיע [צוו. אַנד. די דערפֿאַרונג פון דער ווילנער קהילה] — "אונזער געדאַנק", ווילנע 1922, נומ' 11, 12, 13.

פֿלודערמאַכער ג. די וואַלן צו די קהילות אויף דער ווילנער פּראָווינץ. אײַנדרוקן — "טאָג", 27 יולי 1928, נומ' 173.

צוזאַמענפאָר פון די קהילות פון ווילנער קאַנט — „טאָג“, 20 מײַ 1924, נום׳ 180.

צינצינאַטוס א. ווי אַרבעט די ווילנער קהילה — „צײַט“, 18 יאַנואַר 1929, נום׳ 913.

קהילות-וואַלמאַנעווער אין ווילנע — „צײַט“, 20, 21 מײַ 1924, נום׳ 66, 67.

רבנות-פֿראַגע אין ווילנע אין דער מעמאָראַנדום פון „עזר-הרבנים“ — „טאָג“, 28, 29, 30 אָקטאָבער 1928, נום׳ 248, 249, 250.

שאַבאַד צ., ד״ר. צום מצב אין דער ווילנער קהילה — „ייד. צײַטונג“, 20 יוני 1919, נום׳ 35.

שאַליט משה. אונזער געזעלשאַפֿטלעכקייט, קהילה — „לעבן“, ווילנע 1923, נום׳ 2, ז׳ 34—35, פון צײַט-שטראָם. צוזאַמענשטויס — „לעבן“, ווילנע 1923, נום׳ 5—6, ז׳ 55—57.

ג. (פֿאַרשיידענע).

האַרצרײַסנדע ווענדונג פון די ווילנער יידישע אינוואַלידן — „טאָג“, 22 יאַנואַר 1920, נום׳ 19.

הילפֿס-געשריי פון ווירז. לאַנדוואַרשוע אין מײַשעגאָלע — „טאָג“, 23 מײַ 1919, נום׳ 13.

מושב-זקנים — „טאָג פֿאַר אַמעריקע“, ווילנע 1921, ז׳ 54—58.

בעניצקי פ. די יתומים-פֿאַרזאָרגונג אין ווילנע (זיוו-היים—מעקס, תלמוד-תורה—בורסע) — „צײַט“, 22 מערץ 1929, נום׳ 967.

עפֿענונג פון דער נײַער מיטלשטאַנדס-קיך — „טאָג“, 1 יוני 1926, נום׳ 124.

צדקה-גדולה אין ווילנע — באַריכט פֿאַרן יאָר 1926. ווילנע 1926.

ציטראָן ש. ל. אַ יובל וואָס איז מחייב... [„משמרת-חולים“] — „טאָג“, 30 אַפּריל 1929, נום׳ 101.

קול-קורא פון „מושב-זקנים“ — „טאָג“, 15 מײַ 1921, נום׳ 112.

קליינשטיין ז. דער קריטישער מצב פון ווילנער „מושב זקנים“ — „ייד. צײַטונג“, 11 יוני 1919, נום׳ 27.

ר. ע. ג. די „ביליקע היזער“ און די קאָנסקריפּציע אויף ווײַטערע אײַנוואוינער — „טאָג“, 1 נאָוועמבער 1922, נום׳ 1010.

רעגענסבורג יוסף, ד״ר. געלט-בעטלערײַ און כבוד-שנאָרערײַ (אַ פּרק ווילנער געזעלשאַפֿטס-מאָראַל) — „ייד. צײַטונג“, 22, 26 אַפּריל 1920, נום׳ 84, 91.

שאַבאַד צ., ד״ר. קאָמיטעט פֿאַר קינדער-הילף — 12 מײַ 1919, נום׳ 3; צום שטרייק אין די קינדער-אַנשטאַלטן — „טאָג“, 5 נאָוועמבער 1919, נום׳ 147; מעות-חיטים — „טאָג“, 19, 20 מערץ 1920, נום׳ 69, 70.

שאַפּירא יונה. אין דעם געמויערכן פון אונזער „צדקה-גדולה“ — „טאָג“, 29 יאַנואַר 1924, נום׳ 25; פון אונזערע געזעלשאַפֿטלעכע געמויערכן — „טאָג“, 8 פֿעברואַר 1924, נום׳ 42.

ש—א י. פון צענטראַלן דערנערונגס-קאָמיטעט — „טאָג“, 13 מײַ 1919, נום׳ 4.

שאַפּירא ש. מ. לעגענדעס (די חלוקה-באַקכאַנאַליע) — „אונזער הילף“, 1921, נום׳ 7—8, ז׳ 22—23.

XII. נעקראָלאָגן.

אבראַמאָוויטש ח. ד״ר מאַקאָוער ז״ל (צום יאָרצײַט) — „טאָג“, 21 דעצעמבער 1921, נום׳ 291; בנימין ב״ר נפֿתלי פֿאַלק ז״ל — „טאָג“, 15 יוני 1925, נום׳ 111; ד״ר אַבֿרהם מאַקאָוער צו זײַן 5-טן יאָרצײַט) — „צײַט“, 7 דעצעמבער 1925, נום׳ 532; איינער פון די לעצטע. צום טויט פון אליהו פּראַצקי ז״ל — „טאָג“, 19 אָקטאָבער 1928, נום׳ 241; אַהרן האַמבורג ז״ל — „צײַט“, 26 דעצעמבער 1929, נום׳ 1197; צום אָנדענק פון אַ קינסטלער (שפּריכן, געדאַנקען, סקיצן) [יצחק גאָלדבלאַט ז״ל] — „צײַט“, 15 פֿעברואַר 1929, נום׳ 937.

באַביצקי ל. ד״ר דוד ב״ר אַבֿרהם ראָזענקראַנץ ז״ל — „צײַט“, 7 נאָוועמבער 1927, נום׳ 548.

בורזאָן י. אַ מאָהיקאַנער פון דער דרדקי-מלמדים-וועלט — [יהודה-לייב פּערלמאַן ז״ל] — „טאָג“, 12 פֿעברואַר 1928, נום׳ 62; צום אָנדענק פון פֿאַרשטאָרבענעם וויגדאָר בלום ז״ל — „טאָג“, 7 דעצעמבער 1928, נום׳ 283.

בורזאָן יהושע ז״ל — „צײַט“, 20 נאָוועמבער 1929, נום׳ 1166; „טאָג“, 20 נאָוועמבער 1929 נום׳ 269.

— בונימאָוויטש ישראל ז״ל — „טאָג“, 30 דעצעמבער 1929, נום׳ 302.

— בן-יעקב יעקב ז״ל — „ליט. בלעטער“, וואַרשע 1926, נום׳ 98, ז׳ 192; „טאָג“, 9 מערץ 1926, נום׳ 58.

בערנשטיין א. מ. וואָס איך וואָלט געזאָגט צום ערשטן יאָרצײַט פון אריה גײַשול ז״ל — „צײַט“, 22 דעצעמבער 1929, נום׳ 1193; ר׳ אַביגדור בלום ז״ל — „צײַט“, 24 דעצעמבער 1929, נום׳ 1195.

גאָלדבורס א., ד״ר. ד״ר לייב חיים ז״ל — „טאָג“, 26 יוני 1925, נום׳ 121.

גאָלדשמידט א. י. ביילע צוקערמאַן ז״ל [פון דער ערשטער פֿלעגערין אינעם ווילנער „גנוו“] — „טאָג“, 3 אויגוסט 1928, נום׳ 180.

גאָרדאָן י. ד. אליהו הלוי לעווין ז״ל (צו זײַן 5-טן יאָרצײַט) — „פֿרײַנד“, 26 דעצעמבער 1922, נום׳ 298; שמחה שנײַדער ז״ל — „צײַט“, 23 סעפּטעמבער 1929, נום׳ 1120.

גאָרדאָן ש. שמואל שעפּסקאָווסקי ז״ל — „טאָג“, 14 אַפּריל 1920, נום׳ 81.

— נעכאַ וויערע ז״ל — „טאָג“, 9 אויגוסט 1924, נום׳ 186.

גערבאָווסקי ג. אשת חיל מי ימצא (צום אָנדענק פון אסתּר רובינשטיין) — „צײַט“, 23 אָקטאָבער 1924, נום׳ 193.

ד. ש. נחום ליפּאָווסקי ז״ל — „טאָג“, 25 דעצעמבער 1928, נום׳ 298.

— הורוויטש ל. ז״ל — „טאָג“, 11 מײַ 1919, נום׳ 2.

ווירשובסקי א., ד״ר. צום אָנדענק פון ד״ר וו. זאַלקינד ז״ל — „טאָג“, 13 מײַ 1924, נום׳ 112.

זיידשנור א. ד״ר לייב חיים ז״ל (1886—1925) — „צײַט“, 26 יוני 1925, נום׳ 399.

— חיים לייב, ד״ר, ז״ל — „פֿאָלקסגעזונט“, ווילנע 1925, נום׳ 236.

טאַטאַרין ה. צו נחום ליפּאָווסקיס שלושים — „צײַט“, 23 יאַנואַר 1929, נום׳ 917.

טאַראַסייסקי מאיר. ד״ר יוסף קאָוואַרסקי ז״ל — „טאָג“, 25 יאַנואַר 1920, נום׳ 21.

יאַשונסקי י. בײַ ס. ראָזענטאַלס אָפֿענעם קבֿר — „טאָג“, 3 מערץ 1924, נום׳ 54; ד״ר ס. ראָזענטאַל (אַנ—מאַן) ז״ל — „ביכער-וועלט“, וואַרשע 1924, נום׳ 1—2, ז׳ 21.

— לונסקי אידע ז״ל [אַרטיקלען וועגן דער פֿאַרשטאָרבענער פון ש. ל. ציטראָן, ז. רייזען און ג. פּלורערמאַכער] אין איר ביכל — „דער איוו-פעריער“, ווילנע 1925, אַרויסגעגעבן פון ח. לונסקי; צו איר ערשטן יאָרצײַט. 32 ז.

לונסקי חײַקל. ר׳ אליהו הכהן ראָמאַנאָוו ז״ל — „ייד. צײַטונג“, 2 מערץ 1920, נום׳ 47.

ר׳ מרדכי בצלאל אַלטשילער ז״ל — „טאָג“, 10 מערץ 1920, נום׳ 59; „ייד. צײַטונג“, 10 מערץ 1920, נום׳ 55; שלום פּלורערמאַכער ז״ל — „טאָג“, 11 מײַ 1920, נום׳ 103; די הזכרה אין ווילנער כאָר-שול נאָך יעקב-בן-יעקב ז״ל — „צײַט“, 13 מײַ 1926; ר׳ אליהו ב״ר זאב סופֿר ז״ל — „צײַט“, 15 פֿעברואַר 1928, נום׳ 633.

ליטוואַק א. צום אָנדענק [פון ד״ר ס. ראָזענטאַל (אַנמאַן) ז״ל] — „אונזער געדאַנק“, ווילנע 1924, נום׳ 8.

לעווין ח. א. ב. נישיל ז״ל — „צײַט“, 5 דעצעמבער 1928, נום׳ 875.

מכביסט א. הירש קריווינע [וועגן דער טראַגיש-אומגעקומענעם „מכבי“-אינסטרוקטאָר] — „טאָג“, 10 יוני 1928, נום׳ 133.

נאַרעל י. מ. ד״ר עפּשטיין ז״ל (צום 5-טן יאָרצײַט) — „פֿרײַנד“, 2 יולי 1921, נום׳ 144.

— נאָסיק דוד ז״ל — „טאָג“, 7 דעצעמבער 1919, נום׳ 174.

— סטופּעל-כהן סאָניע ז״ל — „אונזער געדאַנק“, ווילנע, 24 מערץ 1923, נום׳ 31; „טאָג“, 20 מערץ 1923, נום׳ 1129.

סלאָנימסקי לעאָן. ר׳ בער ראַסנער ז״ל — „טאָג“, 22 יאַנואַר 1920, נום׳ 19.

סעגיצקי משה. ר׳ אליהו ב״ר יצחק פּראַצקי ז״ל — „צײַט“, 18 אָקטאָבער 1928, נום׳ 834.

— עפּשטיין בער, ד״ר, ז״ל — „טאָג“, 25 יוני 1923, נום׳ 45.

פּלורערמאַכער ג. דוד נאָסיק ז״ל — „טאָג“, 10 דעצעמבער 1919, נום׳ 177; אהרן ב״ר צבֿי-הירש האַמבורג ז״ל — „טאָג“, 28 דעצעמבער 1929, נום׳ 301.

„צום אָנדענק פון אסתּר רובינשטיין ז״ל“. זאַמלבוך אין יידיש און העברעיִש. רעד. פון ש. ל. ציטראָן, ווילנע 1926. 88 ז.

— קראַקאָווסקי מנחם, הרב, ז״ל — „צײַט“, 18 נאָוועמבער 1929, נום׳ 1164.

— ראָזענטאַל ס., ד״ר (אַנמאַן) ז״ל — „רויטער פּנקס“, 1924, באַנד 2, ז׳ 181—184; „פֿאָלקסגעזונט“, ווילנע 1924, נום׳ 19; „ביכער-וועלט“, וואַרשע 1924, נום׳ 1—2, ז׳ 54.

רובינשטיין ר. ניקאָלײַ איסאַקאָוויטש אָדער קלמן ראַדין — „טאָג“, 4 פֿעברואַר 1929, נום׳ 30.

— ריוועסמאַן מרדכי ז״ל — „טאָג“, 27 יוני 1924, נום׳ 150.

— שנײַדער ישראל ב״ר איזידאָר ז״ל — „טאָג“, 13 פֿעברואַר 1921, נום׳ 37.

שאַבאַד צ., ד״ר. ד״ר אליהו בלאָך ז״ל — „טאָג“, 7 דעצעמבער 1919, נום׳ 174; יעקב ב״ר עקיבא פּײַנס ז״ל — „טאָג“, 5 אָקטאָבער 1920, נום׳ 192; ד״ר ס. ג. האַשטער ז״ל — „טאָג“, 20 נאָוועמבער 1923, נום׳ 164; ד״ר ס. ראָזענטאַל ז״ל — „טאָג“, 2 מערץ 1924, נום׳ 53; ד״ר דוד ב״ר אַבֿרהם ראָזענקראַנץ ז״ל — „טאָג“, 6 נאָוועמבער 1927, נום׳ 252; ד״ר וויערע גערשון-שוואַרץ ז״ל — „טאָג“, 11 נאָוועמבער 1927, נום׳ 257; ניקאָלײַ ראַדין ז״ל — „טאָג“, 6 פֿעברואַר 1929, נום׳ 32.

שאַליט משה. ב. א. גאָלדבערג ז״ל — „טאָג“, 23 יולי 1926, נום׳ 1922.

שאַפּיר י. שמואל שעפּסקאָווסקי ז״ל — „טאָג“, 23 מײַ 1919, נום׳ 13.

[— ציטראָן ש. ל. ז״ל — די ווילנער צײַטונגען „טאָג“, „צײַט“, „קורס-קוריער“, „רגע“. די וואַרשעווער „מאָמענט“, „הײַנט“ א. אַ. פון 9 נאָוועמבער 1930 און ווײַטער. „ליטעראַרישע בלעטער“ פון 14 נאָוועמבער 1930 א. אַ.]

י. בארנשטיין

צו דער ווירטשאפטלעכער סטרוקטור פון ווילנער געגנט

די ווילנער געגנט האט דורכגעמאכט פיל סטרוקטועלע ענדערונגען, וואס האבן געהאט א גרויסע השפעה אויף דער געשטאלטונג פון אירע איצטיקע פארהעלטענישן און איר ווירטשאפטלעכע ירידה. זי איז פאר דער מלחמה געווען אזוי צו־זאגן אנגעשטעלט ווירטשאפטלעך אויף רוסלאנד און ליטע און איצט איז זי געבליבן אינגאנצן אפגעריסן פון די דאזיקע לענדער און האט נאך דערוויל ניט געפונען קיין ווירטשאפטלעכע צונויפבינדונג מיט דעם איבעריקן טייל פון פוילן. ס׳וואלט דעריבער געווען וויכטיק פעסטצושטעלן די שנוים, וועלכע זיינען פארגעקומען פאר דער דאזיקער צייט און אנצייכענען די פערספעקטיוון פאר דער צוקונפט. אזא ארבעט וואלט געדארפט געמאכט ווערן דורך ספעציעלע מאנאגראפיעס אין די באזונדערע ערטער אדער דורך אנקעטעס.

ליידער אבער איז איצט אוממעגלעך צוצוטרעטן צו אן ארבעט אין מאנאגראפישער פארם וועגן דער ווירטשאפטלעכער לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווילנער געגנט, קודם־כל צוליב דעם, וואס אויב מיר ווילן דורכפירן א פארגלייך פון דעם איצטיקן מצב מיט דער לאגע פון פאר דער מלחמה, מוזן מיר האבן דערצו די צוויי הויפט־באדינגונגען: 1) ניט־געענדערטע טעריטאריאלע געביטן, אויף וועלכע די ציילונגען זיינען אמאל און איצט דורכגעפירט געווארן און 2) אן איינהייטלעכן מעטאד פון זאמלען און באארבעטן די מאטעריאלן. די דאזיקע הויפט־באדינגונגען עקסיסטירן דא ניט, ערשטנס, צוליב דער טעריטאריאלער צוטיילונג פון די פריערדיקע רוסישע גובערניעס אויף אנדערע אדמיניסטראטיווע איינהייטן (איניקע פאוויאטן פון די פריערדיקע גובערניעס זיינען אפילו צוטיילט געווארן צווישן פוילן און אנדערע שכנותדיקע מלוכות) *) און צווייטנס, צוליב דעם מעטאד פון זאמלען און באארבעטן די מאטעריאלן פון די פריערדיקע פאלקסציילונגען לגבי דער פאלקסציילונג פון יאר 1921. די פונאנדערטיילונג אויף גאנץ אנדערע פראפעסיאנעלע גרופן, די איצטיקע דעפיניציע פון פראפעסיאנעל־אקטיווע און פראפעסיאנעל־פאסיווע, די סאציאלע גלידערונג פון דער באפעלקערונג און נאך א גאנצע ריי אנדערע פרינציפיעלע ענדערונגען אין דער קלאסיפיקאציע פון דער פראפעסיאנעלער און סאציאלער סטרוקטור ביי דער לעצטער פוילישער פאלקסציילונג, — דאס אלץ שטערט אומגעהויער דורכצופירן א פארגלייך מיטן פאר־מלחמהדיקן מצב. חוץ דעם, איז גראד די לעצטע פאלקסציילונג פון יאר 1921 לחלוטין ניט צוגעפאסט צו מאכן א פארגלייך מיטן פארמלחמהדיקן מצב, ווייל די דאזיקע ציילונג איז פארגעקומען הארט נאכן קריג, וואו דער גרעסטער טייל באפעלקערונג האט זיך נאך ניט געהאט אומגעקערט אויף די פריערדיקע וואוינערטער. דער שטראם פון רעפאטריאנטן איז נאך געווען אין פולן גאנג, די חרוב־געווארענע שטעט האבן זיך ניט באוויזן צוריק אויפצובויען און די גאנצע פאלקסציילונג איז פארגעקומען אין דער אטמאספער פון נאך קריג־שטימונג.

באזונדערס האט זיך די דאזיקע שטימונג געלאזט שטארק פילן אין ווילנער געגנט: די ציילונג האט צוליב דעם ניט ארונטערגענומען 3 גרויסע פאוויאטן מיט דער שטאט ווילנע, אין וועלכער ס׳האט געוואוינט 48 פראצ. פון דער גאנצער איצטיקער באפעלקערונג אין ווילנער וואיעוואדסטווע **). און אפילו די דורכגעפירטע ציילונג אין די איבעריקע פאוויאטן קען אויך ניט פארדינען דעם געהעריקן צוטרוי צוליב די באציאונגען מיט די פארשיידענע נאציאנאלע מינדערהייטן אין צוזאמענהאנג מיט דער דאמאלדיקער פאליטישער סיטואציע אין פוילן — בשעת דער פארגעקומענער פאלקסציילונג.

חוץ די דאזיקע הויפט־מניעות, קומט נאך צו א זייער וויכטיקער פרינציפיעלער מאמענט, דהיינו, וואס די אדמיניסטראטיווע צוטיילונג, לויט וועלכער ס׳איז פארגעקומען די פאלקסציילונג אין יאר 1921, איז ניט קיין דויערנדע און ווערט כסדר געענדערט: און באזונדערס איצט ווערט געפלאנט א פולקאמע רעארגאניזירונג פון די אדמיניסטראטיווע גרענעצן אין די באזונדערע וואיעוואדסטוועס. אזוי, למשל, ווערט געפלאנט אינגאנצן צו סקאסירן די נאוואגרודקער וואיעוואדסטווע אויף די קרעסן און די טארנאפאלער וואיעוואדסטווע — אין מזרח־גאליציע.

דער פראיעקט פון רעארגאניזירן די איצטיקע אדמיניסטראטיווע צוטיילונג פון די באזונדערע פאוויאטן און גרענעצן זעט פאר, אז די איצטיקע ווילנער וואיעוואדסטווע מיטן זיץ־ארט אין ווילנע וועט באשטיין פון דער צאל איצט־איינגעשלאסענע פאוויאטן און ניי־צוגעקומענע פאוויאטן: לידער, נאוואגרודקער און וואלאזשינער, וועלכע געהערן נאך צו דער נאוואגרודקער וואיעוואדסטווע און די ווילנער וואיעוואדסטווע וועט אויף אזא אופן באדייטנד פארגרעסערט ווערן הן אין שטח והן לויט דער צאל באפעלקערונג.

צוליב דעם אלעם איז ניט צוועקמעסיק און אויך ניט אינגאנצן מעגלעך דורכצופירן א פארגלייך פון דעם פאר־מלחמהדיקן מצב מיט דעם איצטיקן.

מיר האבן דעריבער באשלאסן אפשטעלן זיך נאר אויף די כאראקטעריסטישע ווירטשאפטלעכע אייגנשאפטן פון דער גאנצער געגנט אלס אזעלכער אין אלע צווייגן פון דער ווירטשאפט. אונזערע מאטע-

---

*) א טייל עקאנאמיסטן שרייבן אפילו דורכצופירן פארגלייכנדע מעטאדן פון אריטמעטישע קאמבינאציעס, דורך וועלכע מען קען פעסטשטעלן נענטער די צאל פון דער באפעלקערונג אין די פאוויאטן, וועלכע זיינען צוטיילט געווארן צווישן פוילן און אנדערע לענדער, אדער זיינען אריינגענומען געווארן אין אן אנדער וואיעוואדסטווע — און פארגלייכן זיי מיט דעם מצב פון פאר דער מלחמה. אזא מין פרוב האט געמאכט לודוויק לאנדוי (קווארטאלניק סטאטיסטיטשני, באנד III, העפט 1, יאר 1926), דורכפירנדיק אן אנאליז פאר דער צאל פאוויאטן, וועלכע געפינען זיך אין די מזרח־וואיעוואדסטוועס פון פוילן; ל. לאנדוי שטעלט פעסט לויט זיין קאמבינירטן „יאפלער" פון 0,272 די צאל פון דער באפעלקערונג אין יאר 1897 אין די פאוויאטן, פון וועלכע א טייל איז געבליבן ביי פוילן און א טייל ביי די שכנותדיקע לענדער — און פארגלייכט זיי מיט דער פאלקסציילונג פון יאר 1921.

אויב מ׳קען נאך מיט א געוויסן פארבעהאלטן באנוצן זיך צו אזא אופן פון דורכפירן א סטאטיסטישן פארגלייך פון איצטיקן מצב לגבי דעם מצב פון יאר 1897 — פאר דער אלגעמיינער באפעלקערונג, — איז פיין אבער געוויס שווערער אנצווענדן דעם דאזיקן מעטאד פאר דער יידישער באפעלקערונג צוליב די פארשיידענע גרויסע שנויים, וועלכע זיינען גראד אמערסט פארגעקומען אין די שטעטעס פון די דאזיקע געביטן און קיין שום קאמבינירטע צאל אדער „יאפלער" פאר דער שטייגערונג אדער פארמינערונג וועט דא ניט העלפן צו אנטפלעקן דעם אמת׳ן מצב און די סיבות, וועלכע האבן געבראכט צו אזא לאגע. פארקערט, דאס קען נאך מער פארדינקלען דאס בילד.

**) די באפעלקערונג אין דער שטאט ווילנע און אין די פאוויאטן: ווילנע—טראקי, אשמענער און סוויענציאנער באטרעפט 479.673.

ריאַלן וועלן אַלזאָ האָבן דעם ציל צו אילוסטרירן אין אַלגעמיינע שטריכן די ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור אין דער דאָזיקער געגנט — און גלייכצייטיק אויסשיילן די מאָמענטן, וועלכע האָבן אַ השפּעה אויפן גאַנג און אויסלעבן זיך פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם פון דער דערמאָנטער געגנט.

I. שטח און באַפעלקערונג פון ווילנער געגנט.

די געוו. ווילנער גובערניע האָט פאַר דער מלחמה אַרומגענומען אַ שטח פון 41.907 קוואַדראַט - קילאָמעטער מיט אַ באַפעלקערונג פון 1.959 טויזנט איינוואוינער (1910), ד. ה. 47 איינוואוינער אויף אַ קוו. קמ.

אין יאָר 1919 האָט די באַפעלקערונג באַטראָפן אין די פּאָוויאַטן פון דער פריערדיקער ווילנער גוב. (אָראָפּרעכענענדיק 2.740 קוו. קמ., וועלכע זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין דער ציילונג פון יאָר 1919), — 1.327.832 איינוואוינער אויף אַ שטח פון 39.167 קוו. קמ., ד. ה. 34,0 פּערזאָן אויף אַ קוו. קמ., ווי דאָס איז צו זען פון דער טאַבעלע 1.

טאַבעלע 1.

צאָל באַפעלקערונג אין די פּאָוויאַטן פון דער געוו. ווילנער גובערניע

(לויט דער ציילונג פון דעצעמבער 1919).

פּאָוויאַטן	שטח קוו. קמ.	באַפעלקערונג	אויף 1 קמ.	שטאָטישע	% שטאָטישע	דאָרפישע	% דאָרפישע
ווילנער	5.727	313.172	54,6	145.713	46,5	167.459	53,5
דיסנער	5.779	193.263	33,4	17.652	9,1	175.611	90,9
לידער	5.605	186.060	33,1	27.301	14,1	158.759	85,9
אָשמענער	6.885	189.390	27,5	19.012	10,0	170.378	90,0
סווענציאַנער	4.826	139.692	28,9	17.242	12,3	122.450	87,7
טראָקער	4.160	92.831	22,3	13.607	14,7	79.224	85,3
ווילייקער	6.185	213.424	34,5	25.809	12,1	187.615	87,9
בסך-הכל . .	39.167	1.327.832	34,0	266.336	19,6	1.061.496	80,4

כדי צו שאַפן זיך אַ בילד וועגן דער קאָנצענטראַציע פון דער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע שטעט און שטעטלעך אין ווילנער גוב., אין יאָר 1919, וועט זיין אינטערעסאַנט זיך צו באַקאַנען מיט דער טאַבעלע 2.

טאַבעלע 2.

די קאָנצענטראַציע פון דער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע קבוצים-גרופּן (1919).

פּאָוויאַטן		די צאָל שטעט און שטעטלעך							די אַלג. צאָל שטעט און שטעטלעך און זייער באַפעלקערונג
		ביז 500 איינוואוינער	פון 300 ביז 1.000 איינוואוינער	פון 1.000 ביז 5.000 איינוואוינער	פון 5.000 ביז 10.000 איינוואוינער	פון 10.000 ביז 20.000 איינוואוינער	פון 20.000 ביז 30.000 איינוואוינער	פון 100.000 ביז 110.000 איינוואוינער	
ווילנער	צאָל שטעט	28	5	3	—	—	—	1	37
	צאָל באַפ.	7.110	3.243	6.406				128.954	145.713
דיסנער	צאָל שטעט	6	7	3	—	—	—	—	16
	צאָל באַפ.	2.002	4.734	10.916					17.652
לידער	צאָל שטעט	5	5	7	—	1	—	—	18
	צאָל באַפ.	1.173	3.423	11.340		11.365			27.301
אָשמענער . . .	צאָל שטעט	10	6	6	—	—	—	—	22
	צאָל באַפ.	2.326	4.590	12.096					19.012
סווענציאַנער . .	צאָל שטעט	12	6	4	—	—	—	—	22
	צאָל באַפ.	3.254	4.988	9.900					17.242
טראָקער	צאָל שטעט	4	5	6	—	—	—	—	15
	צאָל באַפ.	1.326	3.295	8.986					13.607
ווילייקער	צאָל שטעט	6	6	8	1	—	—	—	21
	צאָל באַפ.	1.772	4.078	14.066	5.893				25.809

פון די דאָזיקע ציפער זעען מיר, אַז אין די פאָוויאַטן פון דער געוועזענער ווילנער גוב. זיינען געווען 151 שטעט און שטעטלעך מיט אַ באַפעלקערונג פון 266.336 איינוואוינער. פון דער דאָזיקער צאָל זיינען געווען 108.560 יידן, ד. ה. 40,8 פראָצ. פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך.

לויט דער גרויס פון די קבוצים, קומט אויס, אַז: 7,1 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג וואוינט אין 71 שטעטלעך ביז 500 איינוואוינער, 10,2 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג וואוינט אין 40 שטעטלעך ביז 1.000 איינוואוינער, 27,7 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג וואוינט אין 37 שטעטלעך פון 1.000 ביז 5.000 איינוואוינער, 55,0 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג וואוינט אין 3 שטעט פון 5.000 ביז 130.000 איינוואוינער.

לויט דער ציילונג פון יאָר 1919 איז די באַפעלקערונג פון דער געוועזענער ווילנער גוב. באַשטאַנען פון פאָלגענדע פעלקער (לויטן גלויבן), טאַבעלע 3.

טאַבעלע 3.

די באַפעלקערונג אין די פאָוויאַטן פון דער געוו. ווילנער גוב. לויט די באַזונדערע אמונות (1919).

פאָוויאַטן	די אַלגעמ. צאָל באַפעלקערונג	קאַטאָליקן		פּראַוואָסלאַווע		יידן		ליטעראַנער און רעפאָרמ.		סטאַרע־ווערן		מאַכמעדאַנער		אַנדערע	
		אַלגעמיינע צאָל	%	אַלגעמיינע צאָל	%	אַלגעמיינע צאָל	%	אַלגעמיינע צאָל	%	אַלגעמ. צאָל	%	אַלגעמיינע צאָל	%	אַלגעמיינע צאָל	%
ווילנער (אָן דער שטאָט)	184.218	173.292	94,07	1.681	0,91	7.414	4.02	92	0,05	1.636	0,89	101	0,06	2	—
ווילנע (שטאָט)	128.954	75.336	58,42	5.873	4,55	46.559	36.11	600	0,47	378	0,29	30	0,02	178	0,14
דיסנער	193.263	72.509	37,52	100.443	51,97	10.908	5,64	86	0,05	9.043	4,68	274	0,14	—	—
לידער	186.060	132.392	71,15	36.721	19,74	16.780	9,02	43	0,02	—	—	124	0,07	—	—
אָשמענער	189.390	126.547	66,82	51.247	27,06	10.967	5.79	48	0,03	140	0,07	381	0,20	60	0,03
סווענציאַנער	139.692	116.705	83,55	10.872	7,78	6.879	4.92	68	0,05	4.930	3,53	238	0,17	—	—
טראָקער	92.831	83.960	90,44	908	0,98	7.078	7.62	38	0,04	323	0,35	369	0,40	155	0,17
ווילייקער	213.424	75.614	35,43	125.157	58,63	11.375	5.33	95	0,04	894	0,42	309	0,15	—	—
בסך־הכל	1.327.832	856.355	64,01	332.882	25,07	117.960	8,86	1.070	0,08	17.344	1,33	1.826	0,14	395	0,03

פון דער טאַבעלע 3 איז, אַלזאָ, צו זען, אַז יידן האָבן געבילדעט קנאַפּע 10 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער געגנט.

אינטערעסאַנט וועט זיין זיך צו באַקאַנען מיט דער באַפעלקערונגס־באַוועגונג אין דער דערמאָנטער געגנט פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן, וואָס ס'כאַראַקטעריזירט אונז די טאַבעלע 4.

טאַבעלע 4.

וואוקס פון דער צאָל באַפעלקערונג אין ווילנער גוב., פאַר די לעצטע 60 יאָר (אין פראָצ.).

פאָוויאַטן	יאָר 1857	יאָר 1897	יאָר 1910	יאָר 1919
ס"ה אין דער גוב.	100	189	233	168
טראָקער	100	190	232	122
סווענציאַנער	100	165	202	146
אָשמענער	100	182	222	147
דיסנער	100	185	225	174
לידער	100	192	238	178
ווילייקער	100	190	237	194
ווילנער	100	210	258	201

פון די דאָזיקע דאַטן זעען מיר, אַז די צאָל באַפעלקערונג אין ווילנער גובערניע איז בסדר געשטיגן ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה; די מלחמות, מגפות און אַנדערע צרות האָבן דערפירט צו אַ באַדייטנדער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע פאַרקלענערונג האָט אין פיל ערטער באַטראָפן ביי הונדערט פראָצענט לגבי דעם יאָר 1910.

די אויבנדערמאָנטע ציפערן באַציען זיך צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון גאַנצן פאָוויאַט. ווען מיר וועלן אָבער נעמען אין אַכט די פאַרקלענערונג בלויז פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, פאַרגלייכנדיק זי מיט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1897, באַקומען מיר פאָלגנדיקן בילד:

טאַבעלע 5.

פאָוויאַטן	פאַרקלענערט זיך אויף פראָצ.
אָשמענער	58
בראַסלאַווער	49
טראָקער	40
דיסנער	39
סווענציאַנער	18
ווילנער	16
לידער	10
ווילייקער	8

ווען מיר וועלן ווייטער נעמען אין באַטראַכט דעם נאַטירלעכן צוואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון 1897 ביז 1919, ווי אויך דער בסדר'דיקן

וואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אורבאַניזאַציע פון די שטעט, — וועלן מיר פעסטשטעלן די פאַקטישע פאַרקלענערונג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג פאַר דעם אייבנדערמאָנטן פעריאָד אויף נאָך 30 - 35 פּראָצענט.

דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג, אין די פּאָוויאַטן פון ווילנער גובערניע, לויט די באַזונדערע גלויבנס, פון יאָר 1857 אָן שטעלט זיך פאָר ווי פאָלגנד:

טאַבעלע 6.

יאָר	קאַטאָליקן	פּראַוואָסלאַווּנע	יידן	אַנדערע	ס״ה
1857	582.736	171.417	69.224	17.687	841.064
1897	935.847	415.296	205.262	34.802	1.591.207

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, אַז בשעת דער אַלגעמיינער וואוקס פון אַלע פעלקער, אין משך פון די 40 יאָר, האָט באַטראָפן 89 פּראָצ., איז ער ביי די יידן געשטיגן אויף 200 פּראָצ. אין יאָר 1857 האָבן די יידן געבילדעט נאָר 8,2 פּראָצ. לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג אין ווילנער גובערניע — און אין יאָר 1897 — 12,8 פּראָצ.

רעלאַטיווע ענדערונגען באַמערקן מיר, ווען מיר וועלן פאַרגלייכן די דאַטן פון דער רוסישער פאָלקסציילונג פון יאָר 1897 מיט די מאַטעריאַלן פון דער פּוילישער ציילונג אין יאָר 1919 — לויט די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן, ווי מיר וועלן דאָס זען פון דער ווייטערדיקער טאַבעלע:

טאַבעלע 7.

פּראָצענט-פאַרהעלטעניש פון די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין ווילנער גובערניע:

פּאָוויאַטן	פּאָליאַקן		ווייסרוסן		יידן		ליטווינער		רוסן	
	1897	1919	1897	1919	1897	1919	1897	1919	1897	1919
ס״ה אין ווילנער גובערניע	8,2	56,9	56,0	17,3	12,8	7,2	17,5	7,4	5,5	6,9
שטאָט ווילנע	30,3	56,2	4,2	1,4	40,0	36,1	2,1	2,3	20,4	3,1
ווילנער	12,1	88,3	41,8	0,3	7,4	3,6	34,9	7,5	3,3	1,1
ווילייקער	2,5	30,2	86,9	57,8	9,5	4,4	0,05	0,06	0,1	5,2
דיסנער	2,4	38,6	81,1	24,0	10,9	2,7	0,01	0,1	5.9	33,7
אָשמענער	1,8	68,2	80,0	5,9	12,1	5,6	3,7	0,03	2,4	0,5
לידער	4,7	76,1	73,2	14,1	12,1	3,4	8,7	2,3	1,1	1,1
סווענציאַנער	6,0	44,2	47,5	13,4	7,1	4,7	33,8	27,6	5,4	4,2
טראָקער	11,2	53,8	15,8	0,3	9,5	4,1	58,1	40,0	4,7	1,1

די דאַטן פון דער דאָזיקער טאַבעלע דאַרפן אָבער האָבן געהעריקע דערקלערונגען באַזונדערס בנוגע דער פּוילישער, ווייסרוסישער און ליטווישער נאַציאָנאַליטעטן *).

וואָס איז ווידער נוגע דער סטאַטיסטיק פון די יידן רופט זי ניט אַרויס אַזוינע חלוקי-דעות און ספקות, ווי די סטאַטיסטיק פון אַנדערע פעלקער-גרופּן, — וועגן וועלכער ס'שטעלט זיך גענוי אָפּ אין זיין אַרבעט וולאַדיסלאַוו סטודניצקי (ז. אונטן די באַמערקונג), הגם דער אונטערשייד צווישן דער צאָל יידן לויט דער נאַציאָנאַליטעט לגבי דער אמונה באַטרעפט קנאַפּ 2 פּראָצ. (7,2 אַלס נאַציאָנאַליטעט קעגן 9,0 לויטן גלויבן).

אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1697 האָט

---

*) עס וואַרפט זיך קודם כל אין די אויגן דער גרויסער שפּרונג פון 8,2 פּראָצ. פּאָליאַקן אין יאָר 1897 אויף 56,9 פּראָצ. אין יאָר 1919. ווען מיר זאָלן אפילו אָננעמען, אַז בשעת דער רוסישער פאָלקסציילונג אין יאָר 1897 איז די צאָל פּאָליאַקן טענדענציעז פאַרקלענערט געוואָרן, דוכט זיך אָבער, אַז די דאָזיקע פּראָצענט-פאַרהעלטעניש איז צו גרויס. וול. סטודניצקי („זאַריס סטאַטיסטיטשנאָ-עטנאָגראַפיטשני זיעם פּולנאָצנאָ-וויסכאָדניך", וואַרשע 1922), באַגרינדנדיק די דאָזיקע פּראָצנט, ווייזט אָן, אַז די רוסישע ציילונג אין יאָר 1897 איז פאָרגעקומען לויט אַ פּאָליטיק, וועלכע איז געפירט געוואָרן אין משך פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו נעגירן די עקזיסטענץ פון דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט אין לאַנד. ניט נאָר די ציילער, נאָר אפילו די געפרעגטע האָבן געגעבן פאַלשע אינפאָרמאַציעס. דער פּויער האָט געמיינט, אַז אויב ער וועט זיך אָנגעבן אַלס פּאָליאַק, וועט ער ניט האָבן קיין רעכט צו קויפן באָדן. דער באַן-אַרבעטער האָט מורא געהאַט פאַרן פאַרלירן זיין אַרבעטס-פּלאַץ צוליב זיין פּוילישער נאַציאָנאַליטעט. די ציילער האָבן געהאַט גענויע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי אויסצוקלערן די באַפעלקערונג אין דער הינזיכט.

סטודניצקי באַווייזט ווייטער, אַז אפילו, ווען מען וועט פאַרגלייכן די דאַטן פון די פריערדיקע רוסישע ציילונגען, איז אויך די צאָל פּאָליאַקן אין יאָר 1897 געווען צו קליין.

פון דעם וויל ער אַרויסדרינגען, אַז די ציפער פון יאָר 1897 זיינען פאַר דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט שטאַרק געפעלשט געוואָרן.

אויב די דאָזיקע באַהויפּטונג איז אין אַ געוויסער מאָס ריכטיק לגבי 1897, קאָן מען אָבער דאָך ניט מיטן גאַנצן צוטרוי זיך שטיצן אויף די דאַטן פון 1919, אין וועלכע עס געפינט זיך געוויס אַ גרויסער טייל פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס פאַר זיי האָט די ציילונג פון 1919 געהאַט דיזעלבע באַדינגונגען, ווי אין יאָר 1897 פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג.

באַזונדער גרויס טרעט עס אַרויס ביי די ליטווינער און ווייסרוסן, וואו די פאַרקלענערונג באַטרעפט: ביי די ערשטע אויף 10 פּראָצ. און ביי די צווייטע אויף לערך 40 פּראָצ.

סטודניצקי ערקלערט די דאָזיקע פאַרקלענערונג

זיך די יידישע באַפעלקערונג אין יאָר 1919 פאַרקלענערט: אין ווילנער גובערניע מיט 42,5 פּראָצ., בעת די קריסטלעכע נאָר מיט 12,8 פּראָצ.; אין מינסקער גובערניע האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט מיט 22,6 פּראָצ., בעת די קריסטלעכע באַפעלקערונג בס"ה מיט 0,68 פּראָצ.; אין די גראָדנער פּאָוויאַטן האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט מיט 33,0 פּראָצ., די קריסטלעכע מיט 48,0 פּראָצ., בעת פון 1897 ביז 1914 האָט זיך די באַפעלקערונג פון די דערמאָנטע גובערניעס שטאַרק פאַרגרעסערט; די באַפעלקערונג אין גראָדנער גובערניע מיט 16 פּראָצ., די ווילנער מיט 17 פּראָצ., די מינסקער מיט 39 פּראָצ. *).

אין 1915 איז, ווי באַוואוסט, פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג. אַ סך יידן זיינען אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין רוסלאַנד אָדער זיינען אַליין אַוועק אַהין.

אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז די שטערבלעכקייט געווען אַ געוואַלטיקע. לויט די ידיעות פון דער מאַכט פון יאָר 1918 (פאַרטרוילעכער באַריכט) האָט זיך די שטערבלעכקייט און די צאָל געבורטן פאָרגעשטעלט אין דריי שטעט אויפן פאָלגנדן אופן:

טאַבעלע 8.

שטאָט	שטערבלעכקייט	געבורטן
ביאַליסטאָק .	692	259
גראָדנע . .	340	140
לידע . . .	127	47

די פאַרהעלטעניש פון די געבורטן צו דער שטערבלעכקייט האָט אין ביאַליסטאָק אויסגעמאַכט ווי 1 צו 2,9; אין גראָדנע ווי 1 צו 2,3; אין לידע ווי 1 צו 2,6.

היות ווי אין די דאָזיקע שטעט האָט איבערגעוואויגן די יידישע באַפעלקערונג, ממילא האָט דאָס אויסשטאַרבן פון דער באַפעלקערונג באַטייט דאָס אויסשטאַרבן פון יידן.

בעת דער ציוויל-פאַרוואַלטונג פון די מזרח-קרעסן איז פאָרגעקומען אַ געוויסע פאַרבעסערונג פון די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. די פאַרבעסערונג איז אָבער ניט געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל קענען גורם זיין דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג בפרט, אַז דאָס לאַנד איז געווען געפּלאָגט דורך פאַרשיידענע עפּידעמיעס. אין דעם משך צייט פון יולי ביז דעצעמבער 1919 איינשליסלעך האָט די באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג אין ווילנע אויסגעזען אַט ווי:

טאַבעלע 9.

	געבוירטן	שטערבלעכקייט	די פאַרקלענערונג אויף 1.000 מענטשן
ביי יידן	16, 0	28,18	12,18
ביי קריסטן	23,27	33, 81	10,54

מיר זעען אַלזאָ, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך שטאַרקער פאַרמינערט איידער די קריסטלעכע, הגם די שטערבלעכקייט ביי יידן איז געווען אַ ביסל אַ קלענערע איידער ביי קריסטן. די קלענערע שטערבלעכקייט ביי יידן האָט גורם געווען די קלענערע שטערבלעכקייט פון קינדער. ביי די יידן האָט זי באַטראָפן 4,5 אויף טויזנט, בעת ביי קריסטן 8,8 **).

אויב די יידן זיינען כּמעט אין אַלע לענדער אַ שטאָטישע באַפעלקערונג זיינען זיי אין די מזרח-קרעסן ניט בלויז צוליב ווירטשאַפטלעכע טענדענצן, נייערט אויך צוליב דער געזעצגעבונג, וואָס האָט פאַרווערט די יידן צו וואוינען אין דערפער, דער עיקר אַ שטאָטישע באַפעלקערונג.

אין דריי קרייזן פון די מזרח-קרעסן האָט געוואוינט (אין יאָר 1919) אויפן דאָרף 11,3 פּראָצ., אין די שטעט 88,7 פּראָצ.

טאַבעלע 10.

קרייזן	% יידן אויפן דאָרף	% יידן אין שטאָט
ווילנער . .	7,5	92,5
בריסקער . .	16,6	83,4
מינסקער . .	9,1	90,9

דער בריסקער קרייז ווייזט אַרויס אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט יידן אויפן דאָרף. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס צוליב דעם חורבן פון די דערפער האָבן די שטעט ניט געקענט פאַרבלייבן ביי זייער פריערדיקער גרויס און אַ טייל שטאָטישע באַפעלקערונג, צווישן זיי אַ טייל יידן, האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין דאָרף.

די פאַרקלענערונג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אויף די מזרח-קרעסן האָט געמוזט גיין האַנט ביי האַנט מיט דער פאַרקלענערונג פון די יידן אין די שטעט. דאָס באַווייזט אונז די ווייטערדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע 11.

	צאָל איינוואוינער אין שטעט	צאָל יידן אין שטעט
יאָר 1897 .	531.928	285.958
יאָר 1919 .	424.861	188.900
פאַרקלענערונג	107.067	97.058
אָדער . .	20,1 %	33,9 %

מיט אַ גאַנצע ריי כּוונות און באַזונדערס מיט די טענדענצן פון דער רוסישער פּאָלקסציילונג, וועלכע האָט געוואָלט אויפן חשבון פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פאַרגרעסערן די רוסישע, אַלס ענלעכע צו דער רוסישער נאַציאָנאַליטעט — פון איין זייט — און די שטרעבונג פון די דאָזיקע עלעמענטן צו דער [illegible] פּאָלאָניזירונג — פון דער צווייטער זייט.

ווי מיר וועלן אָבער ניט צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון די באַהויפּטונגען, קענען מיר ניט אָן ווייטערדיקע גענויערע אויספאָרשונגען אין מאַטעריאַלן, פעסטשטעלן דעם פאַקטישן מצב. נאָר אַ ספּעציעלע אַנקעטע, קאָמבינירט מיט דעם צייטיק אויספאָרשן די קולטורעלע און סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניש ביי דער באַפעלקערונג, וועלכע באַוואוינט די היינטיקע ווילנער געגנט, — בעסער גאָר די נאָענטסטע פּאָלקסציילונג, וועט קענען פעסטשטעלן דעם פאַקטישן מצב פון די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן אין דער דאָזיקער געגנט.

*) די דאָזיקע ציפערן זיינען גענומען געוואָרן לויט די ידיעות וועגן דער באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג. אַ סך האַלטן זיי פאַר איבערגעטריבענע. ביים פעסטשטעלן די איבערעכענונגען פון דער באַפעלקערונג אין פאַר-מלחמה'דיקן קאָנגרעס-פּוילן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ידיעות וועגן דער צאָל באַפעלקערונג אין קאָנגרעס-פּוילן זיינען איבערגעטריבן מיט עטלעכע הונדערט טויזנטער. בכּדי דעריבער אויסצובעסערן די ידיעות פון 1914 באַטראַכטן מיר זיי פאַר דערנענטערטע צו די, וואָס האָבן אין די עמטלעכע אויסווייזן פיגורירט פאַרן יאָר 1911. אויב מיר וועלן דעריבער אָננעמען די איבערגעבראַכטע ציפער, וועלן מיר זען, אַז די יידישע, ווי אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג, האָבן זיך פאַרקלענערט אין צייט-משך פון 1914 ביז 1919 און אַז פּראָצענטועל האָבן זיי איינגעבאַכט מערער איידער דער גאַנצער צוּוואוּקס פון יאָר 1897 ביז צו דער מלחמה.

**) וועגן דער שטערבלעכקייט פון די יידן אין ווילנע ז. די אַרבעטן פון ד"ר צ. שאַבאַד אין „ווילנער זאַמלבוך" (I, יאָר 1916, זייטן 86—107), פּנקס פון דער היסט.-עטנאָגראַפ. געז. (ווילנע 1922, זייטן 133—204) און שריפטן פון „טאָז" (ווארשע 1929, זייטן 49—159). ר ע ד.

דעם וואוקס אָדער שטייגערונג פון די יידן אין די באַזונדערע קרייז-שטעט אילוסטרירט אונז די פאָלגנדע טאַבעלע:

טאַבעלע 12.

יידן אין די קרייז-שטעט פון ווילנער געגנט.

קרייז-שטאָט	1897		1919		אונטערשייד	
	אַבסאָל. צאָל	%	אַבסאָל. צאָל	%	אַבסאָל. צאָל	%
ווילנע	63.996	41,4	46.559	36,1	— 17.431	—5,3
דיסנע	4.617	68,3	2.697	60,7	— 1.920	— 7,6
לידע	5.294	56,8	5 523	48,6	+ 229	— 8,2
אשמענע	3.803	52,7	1.969	57,2	— 1.834	+4,5
סווענציאַן	3.172	44,1	1.815	46,5	— 1.357	+2,5
טראָק	1.112	34,3	466	24,7	— 646	— 9,6
ווילייקע	1.328	37,3	1.353	23,0	+ 25	—14,3

די צאָל יידן פאַר דעם דאָזיקן צייט-פעריאָד האָט זיך אַלזאָ אין די אויבנדערמאָנטע קרייז-שטעט פאַרקלענערט אויף בערך 25 פּראָצ. (אַבסאָלוטע צאָל 23.442).

די דאָזיקע דאַטן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גרויסן חורבן, וואָס די מלחמה, עוואַקואַציע וכדומה האָבן געמאַכט ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער געגנט. בכלל האָבן די שטעט אין די מזרח-וואָיעוואודסטוועס שטאַרק געליטן פון דער מלחמה, און בתוכם דער ווילנער קאַנט — מער ווי אַלע אַנדערע געגנטן אין פוילן. בשעת אין ווילנער געגנט האָט די דורכשניטלעכע פּראָצענטועלע פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג באַטראָפן 30 פּראָצ. לגבי דעם מצב פון 1910 — האָט אין די איבעריקע וואָיעוואודסטוועס פאַר דער צייט פון 1911 ביז 1921 די פאַרקלענערונג באַטראָפן: אין וואַרשעווער וואָיעוואודסטווע 15,6 פּראָצ.; לאָדזער—12,8 פּראָצ.; קיעלצער—7,8 פּראָצ.; לובלינער—16,6 פּראָצ.; ביאַליסטאָקער—11,0 פּראָצ.; פּויזנער (1910)—0,5 פּראָצ.; פּאָמערן—4,6 פּראָצ.; קראָקעווער — 8,3 פּראָצ.; לעמבערגער — 4,9 פּראָצ.; סטאַניסלאַוואָווער — 11,8 פּראָצ.; טאַרנאָפּאָלער — 12,0 פּראָצ.; ציעשינער-שלעזיע—2,1 פּראָצ.

וואָס איז נוגע די דעמאָגראַפישע פאַרהעלטעניש ביי דער יידישער באַפעלקערונג, וועלן מיר זיך אין אַלגעמיינע שטריכן אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע באַדינגונגען אין די **באַזונדערע שטעט.**

אין די שטעט פון די איצטיקע מזרח-וואָיעוואודסטוועס איז די קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ גרעסערע ווי אין די שטעט פון אַנדערע געגנטן אין פוילן. אַזוי למשל, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין מערב-גאַליציע, אין יאָר 1910, געבילדעט 31,7 פּראָצ. פון דער אָרטיקער שטאָטישער באַפעלקערונג: אין קראָקע 21,3 פּראָצ., אין לעמבערג—27,3 פּראָצ., אין מזרח-גאַליציע—37,5 פּראָצ. — און אין די צפון-מזרח-קאַנטן האָט די יידישע באַפעלקערונג פון יאָר 1897 באַטראָפן 53 פּראָצ. פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

דאָס פאַרקלענערן די צאָל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָט, לויט סטודניצקי, אַממערסטן געטראָפן דער יידישער באַפעלקערונג: און פון דער אַלגעמיינער פאַרקלענערונג פאַלט אויס 90,7 פּראָצ. אויף יידן און נאָר 9,3 פּראָצ. אויף אַנדערע פעלקער פון די מזרח-וואָיעוואודסטוועס.

די פאַרקלענערונג פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט אַממערסטן געטראָפן די שטעט, וועלכע האָבן זיך געפונען איבער דער ליניע פון דייטשן קאָרדאָן. אַזוי למשל האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פון דיסנע, אין יאָר 1913 אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1897, פאַרקלענערט לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקע- אין די שטעט אויף 7,6 פּראָצ., בשעת רעלאַטיוו איז די צאָל יידן געשטיגן לגבי 1897 יאָר — אין גראָדנע אויף 10,7 פּראָצ., אין קאָברין אויף 9,2 פּראָצ., אין פּרוזשאַן אויף 8,4 פּראָצ., אין פּינסק אויף 7 פּראָצ., אין סלאָנים אויף 6 פּראָצ., אין אשמענע אויף 4,5 פּראָצ., אין סווענציאַן אויף 2,5 פּראָצ. אין די שטעט ווידער פאַר דעם דייטשן קאָרדאָן, — איז די רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון די יידן געווען: אין ווילנע אויף 5,3 פּראָצ, אין לידע אויף 8,2 פּראָצ., אין טראָק אויף 9,6 פּראָצ.

סטודניצקי מיינט, אַז דאָס איז אַ פּועל-יוצא פון דעם, וואָס אין יאָר 1917, צוליב דער רעוואָלוציע, איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער אַמאָליקער תחום-המושב און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ יידישע עמיגראַציע קיין רוסלאַנד פון די נאָך-פראָנט געביטן. דאָס פאַרקלענערן זיך ווידער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט פון דער זייט דייטשער אָקופּאַציע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער רוסישער עוואַקואַציע, וועלכע די יידן האָבן אויסגענוצט כדי איבערצוזידלען קיין רוסלאַנד, — ווי אויך מיט דער גרויסער שטערבלעכקייט, וועלכע האָט געהערשט אין די שטעט בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

2. די באַפעלקערונגס-באַוועגונג אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואודסטוועס אין די לעצטע 10 יאָר (1919—1928).

דורך דער פאַראָרדענונג פון מלוכה-פּרעזידענט פון 1-טן פעברואַר 1927 („דזיענניק אוסטאַוו", נומ' 10, פּאָז. 76) וועגן דער סטאַטיסטיק פון דער באַפעלקערונג, איז נאָרמאַליזירט געוואָרן די פראַגע פון פירן די סטאַטיסטיק פון חתונות, געבורטן און טויט-פאַלן אויף אַן איינהייטלעכן אופן אין דער גאַנצער מלוכה.

די דעמאָגראַפיע-סטאַטיסטיק איז אין פוילן געווען זייער שלעכט אָוועקגעשטעלט. שוין ניט רעדנדיק דערפון וואָס אין פאַרשיידענע געגנטן איז געווען אַ גרויסע פאַרנאַכלעסיקונג ביים פאַרשרייבן די געבורטן פון קינדער, זיינען נאָך צוגעקומען פּרינציפּיעלע אונטערשיידן אין דעם אופן פון רעגיסטרירן די געבורטן אין איין געגנט לגבי דער צווייטער געגנט. אין די געוועזענע רוסישע געביטן, למשל, איז אייגנטלעך געווען אַ סטאַטיסטיק ניט פון געבורטן, נאָר פון אויסגעשריבענע געבורטס-שיינען (מעטריקעס). עס איז דאָך אָבער אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די מעלדונגען וועגן די געבורטן זיינען דאָ פאַרגעקומען מיט זייער גרויסע פאַרשפּעטיקונגען, וועלכע דערגרייכן אָפט ביז 10 און 15 יאָר. אפילו אין **וואַרשע** גופא, באַטרעפן נאָך היינט די צאָל קינדער, וועלכע זיינען איינגעמאָלדן געוואָרן בערך 75% פון „פאַרשפּעטיקטע" אויף 6—7 יאָר. די דאָזיקע פאַרנאַכלעסיקונגען זיינען גורם, אַז אין

סאַל, ווען דאָס קינד שטאַרבט, ווערן די פאַקטן פון די געבורטן פון דידאָזיקע קינדער לגמרי נים פאַרנאָטירט און ממילא האָט עס אַ השפעה אויף דער צאַל און רעזולטאַט פון נאַטירלעכן צוּוואוקס.

מען דאַרף אויך ווייטער נעמען אין אַכט דעם אומשטאַנד, וואָס אין די נאָך מלחמה-יאָרן זיינען איינגעשריבן געוואָרן אין די געבורטס-ביכער אַ באַדייטנדע צאַל קינדער, וועלכע זיינען געבוירן בשעת דער מלחמה, אין לאַנד אָדער אין דער פרעמד, און די געבורטס-מעטריקעס האָבן נים געקענט געמאַכט ווערן אין דער געהעריקער צייט.

די מאַטעריאַלן און דאַטן וועגן דעם דאָזיקן פעריאָד, זיינען דעריבער ווייט פון דעם פאַקטישן מצב. אויב אָבער די דאָזיקע דאַטן זיינען פאַרהעלטניסמעסיק ריכטיק בנוגע די קריסטלעכע אמונות און זיי קענען דעריבער ווי נים-איז דינען אַלס אָריענטאַציע-מאַטעריאַלן, — אַנטשפּרעכן אָבער די ציפער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג לגמרי נים דער ווירקלעכקייט.

דער הויפט-סטאַטיסטישער אַמט באַצייכנט די דאָזיקע צאַלנען קלאָר און דייטלעך (ז. „קוואַרטאַלניק סטאַטיסטישני״, באַנד VI, העפט 1).

מיר רעכענען אָבער דאָך פאַר וויכטיק אָנצוגעבן די דאַטן פאַר דער באַפעלקערונגס-באַוועגונג פאַר דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג אין משך פון די יאָרן 1919—1928, אויף וויפיל מיר וועלן דורכדעם קענען אין דער נאָענטער צוקונפט, ביי דער קומענדיקער לאַמירזאָגן פאָלקס-ציילונג, פעסטשטעלן די אונטערשיידן לגבי די איצט פאַראַפנטלעכטע מאַטעריאַלן.

מיר האַלטן זיך אָבער אָפּ פון אַ קריטישער באַלויכטונג, אָנגעבנדיק נאָר די ציפערן, ווי זיי זיינען באַאַרבעט געוואָרן דורכן הויפט-סטאַטיסטישן אַמט אויפן סמך פון די סטאַטיסטישע בויגנס, וועלכע דער סטאַטיסטישער אַמט האָט באַקומען פון אַלע ציוויל-אַמטן, וואָס פירן די רעגיסטראַטור פון דער באַפעלקערונג אין פוילן.

טאַבעלע 13.

נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוו.

יאָר	ווילנער חתונות	ווילנער געבורטן (לעבעדיקע)	ווילנער טויט-פאַלן	ווילנער נאַטירלעכער צוּוואוקס	נאָוואָגרודקער חתונות	נאָוואָגרודקער געבורטן	נאָוואָגרודקער טויט-פאַלן	נאָוואָגרודקער נאַטירלעכער צוּוואוקס
1919	9.910	24.558	32.801	— 8.243	7.734	19.762	20.490	— 728
1920	10.141	26.680	28.085	— 1.405	8.276	22.454	18.781	3.673
1921	12.178	32.506	18.197	14.309	9.625	26.091	17.366	8.725
1922	12.614	38.447	19.854	18.593	10.909	32.016	19.121	12.895
1923	11.708	40.801	17.323	23.478	10.230	35.951	13.545	22.406
1924	11.537	39.691	18.914	20.777	9.907	35.923	15.332	20.591
1925	9.658	39.740	21.932	17.808	8.902	38.141	15.111	23.030
1926	10.321	39.849	19.063	20.786	8.891	37.763	16.875	20.888
1927	10.625	39.029	19.126	19.903	8.662	35.772	16.629	19.143
1928	11.771	38.787	19.233	19.554	9.925	36.904	16.139	20.765

טאַבעלע 14.

נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוו.

יאָר	ווילנער חתונות	ווילנער געבורטן (לעבעדיקע)	ווילנער טויט-פאַלן	ווילנער נאַטירלעכער צוּוואוקס	נאָוואָגרודקער חתונות	נאָוואָגרודקער געבורטן	נאָוואָגרודקער טויט-פאַלן	נאָוואָגרודקער נאַטירלעכער צוּוואוקס
1919	856	1.232	2.120	— 888	276	400	673	— 273
1920	672	1.129	1.416	— 287	297	552	647	— 95
1921	808	1.540	876	664	415	696	559	137
1922	1.023	2.014	1.061	953	496	1.116	473	643
1923	1.088	2.583	985	1.598	516	1.263	430	833
1924	969	2.372	1.159	1.213	470	1.274	469	805
1925	862	2.272	1.126	1.146	440	1.218	473	745
1926	815	2.148	1.219	929	398	1.287	523	764
1927	820	2.225	1.130	1.095	405	1.240	495	745
1928	840	2.260	1.110	1.150	410	1.225	500	725

פון די דאָזיקע טאַבעלן זעען מיר, אַז דורכשניטלעך האָט די באַפעלקערונגס-באַוועגונג אין די צוויי אויבנדערמאָנטע וואָיעוואָדסטוועס, באַטראָפן אויף יעדע 1.000 איינוואוינער*):

טאַבעלע 15.

באַפעלקערונגס-באַוועגונג אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטוועס אין די יאָרן 1919—1928.

יאָר	ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג: חתונות	געבוירטן	שטערבלעכקייט	נאַטירלעכער צוואוקס	ביי דער יידישער באַפעלקערונג: חתונות	געבוירטן	שטערבלעכקייט	נאַטירלעכער צוואוקס
1919	10,4	26,2	31,1	— 4,9	7,0	10,2	17,3	— 7,1
1922	12,8	38,5	21,5	17,0	8,9	18,5	8,9	9,6
1925	9,8	41,1	19,1	21,9	7,5	20,2	9,1	11,1
1928	10,9	38,4	17,8	20,6	7,0	19,8	9,1	10,7

פון די דאָזיקע דאַטן איז צו זען, אַז אָנהויבנדיק פון יאָר 1922 ווערט ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פסדר פאַרקלענערט די שטערבלעכקייט און דער נאַטירלעכער צוואוקס שטייגט פון 17,0 אין יאָר 1922 ביז 20,6 אין יאָר 1928.

פאַרגלייכנדיק די דאָזיקע פאַרהעלטענישן אין דער ווילנער געגנט לגבי די איבעריקע קאַנטן אין פּוילן, באַקומט זיך, אַז דער נאַטירלעכער צוואוקס אויף יעדע 1.000 איינוואוינער, האָט באַטראָפן: אין די דרומדיקע וואָיעוואָדסטוועס — 13,7; אין די מערב-וואָיעוואָדסטוועס — 14,3; אין די צענטראַלע וואָיעוואָדסטוועס—15,9; אין ווילנער געגנט — 20,6.

די דאָזיקע סיבה דאַרף מען דערקלערן קודם-כל מיט דער גרעסערער צאָל געבוירטן וועלכע זיינען דאָ העכער, ווי אין אַנדערע געגנטן אין פּוילן.

פון דער דערמאָנטער טאַבעלע איז אויך צו זען, אַז דער נאַטירלעכער צוואוקס ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז פונקט אויף אַ העלפט קלענער, ווי ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די סיבה פון די דאָזיקע פאַרהעלטענישן ליגט געוויס אין דער ניט-ריכטיק - געפירטער רעגיסטראַטור פון דער דעמאָגראַפיש-סטאַטיסטיק, וועגן וואָס מיר האָבן שוין איבן דערמאָנט.

3. עמיגראַציע פון ווילנער וואָיעוואָדסטווע. פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

איבערגייענדיק צו דער פראַגע וועגן דער יידישער עמיגראַציע פון ווילנער געגנט**), באַקומען מיר פאָלגנדן בילד:

טאַבעלע 16.

עמיגראַציע פון ווילנער וואָיעוואָדסטווע אין די יאָרן 1926—1928.

יאָר	ס״ה פון ווילנער וואָיעוו.: צוזאַמען	דערפון יידן	%	אין גאַנץ פּוילן: צוזאַמען	דערפון יידן	%
1926	2.297	794	34,5	167.509	22.406	13,4
1927	2.297	660	24,3	147.614	18.074	12,2
1928	2.654	600	22,6	186.630	18.211	9,7
1926—1928	7.248	2.054 **)	28,0	501.753	58.691	11,1

אין ווילנער וואָיעוואָדסטווע האָבן עמיגרירט פאַר די דריי יאָר דורכשניטלעך 700 יידן יערלעך, וואָס באַטרעפט 28 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער עמיגראַציע אין דער וואָיעוואָדסטווע, בשעת אין גאַנץ פּוילן באַטרעפט דער פּראָצענט 11,1 (און אָן פּויזן, פּאָמערן און שלעזיע - בערך 14 פּראָצ.).

פון דער גאַנצער צאָל יידישע עמיגראַנטן פון פּוילן, בילדן די יידישע עמיגראַנטן פון ווילנער וואָיעוואָדסטווע 3,5 פּראָצ.

אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז אין יאָר 1921 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ווילנער וואָיעוואָדסטווע געציילט 110.000 יידן (לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1921 פּלוס די יידישע באַפעלקערונג פון די 3 פּאָוויאַטן און שטאָט ווילנע, וועלכע זיינען דאַן ניט אַרונטערגעגאַנגען אונטער דער פאָלקסציילונג), באַקומען מיר פאָלגנדע צאָל יידישער באַפעלקערונג אין ווילנער וואָיעוואָדסטווע צום יאָר 1930: צאָל יידן אין יאָר 1921—110.000, נאַטירלעכער צוּוואוקס פאַר די 8 יאָר, בערך 14.000. דערפון גייט אַראָפּ די עמיגראַציע פאַר די 8 יאָר — 4.800. פאַרבלייבן בערך 120.000 יידן, בשעת אין יאָר 1897 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין דער געוו. ווילנער גובערניע געציילט 195.000 ***)

אין אויב מיר וועלן אַפילו צורעכענען צו

---

*) די צאָל באַפעלקערונג פאַר די יאָרן 1919 און 1920 שטיצט זיך: אין ווילנער וואָיעוואָדסטווע אויף דער ציילונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1919; אין נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע אויפן סמך פון שאַצונגען דורכן היגיענע-סטאַטיסטישן אַמט. פאַר די ווייטערדיקע יאָרן איז גענומען געוואָרן אַלס מאַסשטאַב די ציילונג פון יאָר 1921 — באַריקזיכטיקנדיק די דאַטן וועגן דער עמיגראַציע און רעעמיגראַציע.

**) גענויער וועגן עמיגראַציע ז. אויבן די אַרטיקלען וועגן דער טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ“ און „יעאַס“ ביי „יעקאָפּאָ“ אויף דעם געביט (זייטן 109—126 און 280—303). דערביי איז נייטיק צו באַמערקן, אַז לויט דער עמיגר.-אָפּט. פון „יעקאָפּאָ“ אַליין איז אין די יאָרן 1928 (715 ייד. עמ.) און 1929 (1.207 ייד. עמ., פון זיי 596 אין ערשטן און 611 אין צווייטן האַלב יאָר) אָפּגעגעבן מער ייד. עמיגראַנטן, ווי די גאַנצע צאָל ייד. עמ. פון דער ווילנער וואָיעוו. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די עמיגר.-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ“ באַדינט די ווילנער געגנט אין ברייטן זין פון וואָרט, ד. ה. אַ שטח, וואָס איז פיל גרעסער פון ווילנער וואָיעוואָדסטווע (ווילנער וואָיעוו., טיילן פון נאָוואָגרודקער וואָיעוו. א״אַ), וואָס איז שייך בכלל דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל עמיגראַנטן אין די לעצטע יאָרן ערקלערט זיך עס מיט די צאָל פאַרגרעסערטע באַגרענעצונגען אין די אימיגראַציע-לענדער און מיט דער שטרענגער איינפירונג פון פאַרשיידענע קוואָטעס. רעד.

***) אין דער איצטיקער ווילנער וואָיעוואָדסטווע גייט ניט אַריין דער לידער פּאָוויאַט, וועלכער האָט פריער געהערט צו דער ווילנער גובערניע. דאַקעגן איז אין ווילנער וואָיעוו. יעצט צוגערעכנט געוואָרן דער בראַסלאַווער פּאָוו., וועלכער האָט ניט געהערט צו דער אַמאָליקער ווילנער גובערניע. אין די גרענעצן פון דער היינטיקער ווילנער וואָיעוו. האָבן אַזוי אַרום אין יאָר 1897 געוואוינט ביי 195.000 יידן (205.262, ז. אויבן טאַב. 6).

דער צאָל 120.000 יידן די יידישע רעעמיגראַציע פון רוסלאַנד, וועלכע איז באַזונדערס אין ווילנער געגנט פאַרגעקומען אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב און האָט אין די יאָרן 1922—1923 באַטראָפן עטלעכע טויזנט נפשות, וועט עס אויך זייער שטאַרק ניט ענדערן דעם אַלגעמיינעם בילד.

די דאָזיקע ציפער באַווייזן אונז אַלזאָ אויף ווי ווייט פאַראָרעמט די ווילנער געגנט איז געוואָרן לגבי דעם יאָר 1897, אין וועלכער ס'האָבן דאָן געלעבט מיט בערך 50 פראָצ. מער יידן ווי איצט.

4. די פראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג.

לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1897 איז די פראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען פאָלגנדע (אין פראָצענטער):

טאַבעלע 17.

גובערניע	האַנדל	אינדוסטריע און מלאכה	לאַנדווירטשאַפט	פרייע פראָפעס. און מיליטער דינסט
גראָדנער	26,9	47,2	3,2	5,5
ווילנער	30,0	40,4	6,0	5,5

לויט דער פאָלקס-ציילונג פון יאָר 1897 האָבן אין גראָדנער גובערניע די יידן געבילדעט 85,1 פראָצ. פון אַלע פראָפ. אַקטיווע אין האַנדל און אין ווילנער גובערניע — 71,6 פראָצ.

אין סחורות-האַנדל האָבן יידן געבילדעט אין גראָדנער גובערניע 86,6 און אין ווילנער — 87,5 פראָצ. אַ באַזונדערער איבערגעוויכט פון יידן איז געווען אין תבואה-האַנדל, ווי אויך אין האַנדל מיט אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן און מיט וואַלד. אין דעם לעצטן — האָט באַטראָפן דער פראָצ. פון יידן אין דער ווילנער גובערניע 89,4 פראָצ. און פון גראָדנער 95,5 פראָצ. דאָס איז אַ צווייג, וועלכער האָט באַשעפטיקט איבער אַ העלפט יידן, וואָס האָבן געלעבט פון האַנדל.

די דאַטן פאַר קאָנגרעס-פּוילן פון יאָר 1897 זיינען געווען כמעט אַנאַלאָגישע: אין סחורות-האַנדל האָבן די יידן געבילדעט 83,1 פראָצ., אין בהמות-האַנדל—83,9 תבואה-האַנדל—97,1 פראָצ. און האַנדל מיט אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן—80,2 פראָצ. מיט האָלץ און אַנדערע רוי-מאַטעריאַלן—80,5 פראָצ.

אין גאַליציע איז, לויט דער פאָלקס-ציילונג פון 1910, 82 פראָצ. פון גאַנצן האַנדל געווען ביי יידן.

לויט די טיילווייז-באַאַרבעטע מאַטעריאַלן פאַר עטלעכע פון די קרעסן-שטעט אין יאָר 1919, איז דער אַנטייל פון די יידן אין דער מלאכה געווען אַן איבערוויגנדער. אין ווילנע איז דער אַנטייל פון די יידן אין פאַרשיידענע פאַכן געווען פאָלגנדער: בלעכער — 92,7, היטלמאַכער — 98,2 איינבינדער — 63,7, קירזשנער — 92,7, קצבים — 66,7, טאַפּעצירער — 72,7, דרוקער — 88,9, זייגערמאַכער — 82,6, (אין טישלעריי, פאַרקערט, האָבן די פּאָליאַקן געבילדעט 74 פראָצ., שמידן — 67 פראָצ.) בס״ה האָט דער אַנטייל פון די יידן אין מלאכה אין יאָר 1919 באַטראָפן 40 פראָצ.

די אַממערסטן פאַרשפּרייטסטע מלאכה ביי יידן איז שניידעריי. אין ווילנע זיינען פון 4.662 האַנטווערקער-יידן געווען 1.442 (אין יאָר 1919), וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שניידעריי.

די מלאכות אין די מזרח-וואָיעוואָדסטוועס, באַזונדערס די יידישע, זיינען געשטאַנען אויף אַ נידעריקער טעכנישער מדרגה און האָבן געאַרבעט מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל.

צוליב דעם, וואָס די מאַטעריאַלן פון דער ציילובג אין יאָר 1919 אין ווילנער גובערניע וועגן דער פראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג זיינען ניט באַאַרבעט געוואָרן, ווי אויך צוליב דעם, וואָס די פאָלקס-ציילונג פון יאָר 1921 האָט ניט אַרומגענומען די גאַנצע ווילנער געגנט — און לסוף צוליב דעם פאַרשיידנאַרטיקן מעטאָד פון די באַאַרבעטע מאַטעריאַלן פון דער ציילונג אין יאָר 1897 און 1921, — האָבן מיר ניט די מעגלעכקייט דורכצופירן אַ גענויען פאַרגלייך וועגן דער עוואָלוציע פון דער יידישער מלאכה אין ווילנער געגנט פאַר די לעצטע 30 יאָר.

דעם איינציקן טיילווייזן פרוב, וועלכן מיר וועלן יאָ קענען מאַכן אין דער הינזיכט — און דאָס אויך מיט גרויסע באַוואָרענישן צוליב דער ניט פולקאָמקייט פון מאַטעריאַל — איז דאָס פאַרגלייכן די דאַטן מיט דער צאָל רעגיסטרירטע האַנטווערקער צום 1 יאַנואַר 1929 אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן אין די האַנטווערקער-קאַמערן אין יאָר 1929.

טאַבעלע 19.

צאָל רעגיסטרירטע האַנטווערקער צום 1 יאַנואַר 1929.

וואָיעוואָדסטווע	קריסטן	יידן	צוזאַמען
1. וואַרשע	6.278	8.414	14.692
2. וואַרשעווער	10.033	7.958	17.991
3. לאָדזער	10.348	7.317	17.665
4. קיעלצער	8.425	9.430	17.855
5. לובלינער	6.430	8.791	15.546
6. ביאַליסטאָקער	1.558	4.954	6.512
7. ווילנער	1.912	2.877	4.819
8. נאָוואָגרודקער	1.029	3.473	4.502
9. פאָליעסער	1.013	4.332	5.345
10. וואָלינער	1.855	4.911	6.766
11. קראָקעווער	7.798	3.462	11.260
12. לעמבערגער	9.618	7.305	16.923
13. טאַרנאָפּאָלער	2.305	1.958	4.263
14. סטאַניסלאַוואָווער	3.453	3.215	6.668
15. פויזנער	11.541	20	11.561
בידגאָשטש (קרייז)	5.611	54	5.665
16. פאָמערן	8.341	28	8.369
17. שלעזיע	21.400	—	21.400
בסך-הכל	119.303	78.499	197.802

ייִדן מאַכן דאָ אַלזאָ אויס 40 פּראָצ. פון אַלע רעגיסטרירטע האַנטווערקער אין פּוילן צום יאָר 1929, דערגרייכנדיק אין פּאָלעסיע ביז 81 פּראָצ. און אַראָפּנידערנדיק אין שלעזיע ביז 0. מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז אויף די קרעסן, וואו קיין צעכן האָבן ניט עקסיסטירט, איז די רעגיסטראַציע צוגעגאַנגען שוואַך אָדער מאַנגלהאַפט און בכלל קאָנען די ציפער נאָך ניט געבן קיין פולן בילד וועגן דער צאָל ייִדישע האַנטווערקער. די ווייטערדיקע טאַבעלן דעטאַליזירן די דאָזן ספּעציעל בנוגע ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע.

טאַבעלע 19.

צאָל אַרויסגעגעבענע האַנטווערקער־קאַרטעס צום 1 יאַנואַר 1929 אין ווילנער וואָיעוואָדסטווע *)

פאַכן	קריסטן	ייִדן
דאַך־דעקער	2	—
טעפּער	18	5
שטיינהאַקער	2	—
מויערער	102	17
סקולפּטאָרן	—	2
ברונים־בויער	2	—
גלעזער	7	43
זדונעס	30	5
שטוקאַטורער	5	3
מאָלער	30	38
ס"ה בוי־בראַנזשע	198	113
באַנדערס	7	—
טישלער	43	9
קאָרב־פלעכטער	1	—
שטעלמאַכער	9	16
סטאָלער	191	91
טאָקער	2	11
מוזיק־אינסטרומענטן	5	—
האָלץ־קאַמען	—	1
ס"ה האָלץ־בראַנזשע	258	128
באַנדאַזשן־מאַכער	2	11
היטל־מאַכער	1	19
קאָפּעליושן־מאַכער	3	32
קירזשנער	1	40
שניידער	252	671
שטריק־מאַכער	—	—
שמוקלער	1	5
טאַפּעצירער	2	19
בערשטער	1	1
ס"ה טעקסטיל־בראַנזשע	263	869

פאַכן	קריסטן	ייִדן
בלעכער	1	94
בראָנזניקעס	5	—
קעסל־מאַכער	5	12
שמידן	315	131
שלאָסער	68	61
אויסאַרב. פון אַפּטישע מכשירים	—	10
גראַווירער	3	12
דובעלירער	5	26
זייגערמאַכער	24	108
באַגילטער	—	3
ס"ה מעטאַל־בראַנזשע	426	457
צוקערניקעס	19	23
קוכער	37	1
בעקער	109	333
לעקעך־בעקער	3	2
קצבים	254	73
וואורשטן־מאַכער	27	67
ס"ה דערנערונגס־בראַנזשע	308	480
לעדער־דעלירער	—	6
קאַמאַשנמאַכער	5	141
הענטשקעמאַכער	—	46
רימער	10	40
שוסטער	357	281
גאַרבער	17	49
איינבינדער	14	27
ס"ה לעדער־בראַנזשע	403	590
פאַטאָגראַפן	31	46
פריזירער	55	194
ס"ה פערזענלעכע באַדינונג	86	240

אַלגעמיינער סך־הכל: קריסטן — 1.942, ייִדן — 2.877. צוזאַמען — 4.819.

---

*) אויפן סמך פון מאַנוסקריפּט. די ידיעות באַקומען פון מלוכה'שן הויפּט־סטאַטיסטישן אַמט אין וואַרשע.

טאַבעלע 26.

צאָל אַרויסגעגעבענע האַנטווערקער-קאַרטעס צום 1-טן יאַנואַר 1929 אין נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע *)

פאַך	קריסטן	יידן
דאַך-דעקער	—	—
טעפּער	16	8
שטיין-אויסאַרבעטונג	9	7
מויערער	27	47
שטיין-קריצער	—	2
ברונים-בויער	—	—
גלעזער	1	43
גלאָז-אויסאַרבעטונג	—	—
זדונעס	—	3
שטוקאַטורער	—	—
לאַקירער	—	—
מאָלער	16	60
ס"ה בוי-בראַנזשע	69	170
באָנדערס	—	—
טשעסלער	50	21
קאָרב-מאַכער	4	—
ראָד-מאַכער	15	14
דרעקסלער	—	—
סטאָליאַרעס	109	302
טאָקער	—	12
מוזיק-אינסטרומענטן	—	—
קאַמען-אויסאַרבעטונג	—	4
ס"ה האָלץ-בראַנזשע	178	353
באַנדאַזשן-מאַכער	—	1
היטל-מאַכער	1	117
קאַפּעלושן-מאַכער	—	13
קירזשנער	3	15
שניידער	158	729
שטריקער	—	5
בערשטער	—	—
שמוקלער	—	—
טאַפּעצירער	1	11
פרענדזל-מאַכער	—	—
ס"ה טעקסטיל-בראַנזשע	163	891
בלעכער	2	74
בראָנזניקעס	—	—
קעסל-מאַכער	1	17
קאָוואַלעס (שמידן)	157	319
מאָשענזשניקעס	1	6
שלאָסער	55	59
טאָקער	—	—
אויסאַרב. פון אָפּטישע מכשירים	—	—
גראַווירער	—	2
דובלירער	—	7
גאָלדשמידן	—	1
אויסאַרבעטונגען פון דראָט	—	—
גאָלד- און זילבער-וואָל	—	—
ווייגער-מאַכער	2	84
באַגילטער	—	—
ס"ה מעטאַל-בראַנזשע	218	569
צוקערניקעס	3	8
קוכער	3	—
בעקער	22	287
לעקעך-בעקער	—	—
קצבים	22	62
וואורשטן-מאַכער	72	11
ס"ה דערנערונגס-בראַנזשע	122	368
קאָמאַשן-שטעפּער	1	161
הענטשקעמאַכער	—	—
רימער	17	96
זאָטל-מאַכער	—	—
שוסטער	223	627
גאַרבערס	11	89
איינבינדער	3	23
ס"ה לעדער-בראַנזשע	255	996
פּאָטאָגראַפן	1	37
פריזירער	23	89
ס"ה פּערזענלעכע באַדינונג	24	126

אַלגעמיינער סך-הכל: קריסטן — 1.029, יידן — 3.473. צוזאַמען — 4.502.

פון די דאָזיקע ציפערן איז צו זען, אַז 60,0 פּראָצ. פון אַלע בעלי-מלאכות, וועלכע האָבן זיך לויטן נייעם אינדוסטריע-געזעץ צו די האַנטווערקער-קאַמערן רעגיסטרירט און אַרויסגענומען האַנטווערקער-קאַרטעס אין ווילנע רוואָיעוואָדסטווע — זיינען יידן, אין נאָוואָגרודקער וואָיעוו. — 77,1%. מיר דאַרפן אָבער דערביי באַמערקן, אַז אין די דאָזיקע צאָלן 2.877 און 3.473 גייען אויך אַריין אייניקע צענדליק ניט-יידן, אויף וויפיל אין די סטאַטיסטישע טאַבעלן,

---

*) אייגן סמך פון מאַנוסקריפּט. די ידיעות באַקומען פון מלוכה'שן הויפּט-סטאַטיסטישן אַמט אין ווארשע.

וועלכע מיר האָבן באַקומען פון סטאַטיסטישן אַמט זיינען אָנגעגעבן געוואָרן די דאַטן פאַר אַלע **קריסטלעכע אמונות** באַזונדער און פאַר ניט-קריסטלעכע (יידן א. א.) אויך באַזונדער, וואו סקענען נאָר גענומען ווערן אין באַטראַכט אוניטן און מאַכמעדאַנער.

דערביי ווילן מיר אָנווייזן, אַז די דאָזיקע דאַטן אַנטשפּרעכן נאָך ווייט ניט דעם פאַקטישן מצב פון דער מלאכה אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואודסטוועס און ווי מ׳האָט אונז דערקלערט אין מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע, — זיינען בערך 30 פּראָצענט פון די אַלע בעלי-מלאכות ניט אַריינגענומען געוואָרן אין די קאַמערן און איצט ווערן געמאַכט ווייטערדיקע צונאָף-רעגיסטראַציעס פון די דאָזיקע פעלנדע האַנטווערקער. דערהויפּט זיינען די ציפער ניט פולקאָם בנוגע די יידישע האַנטווערקער, ווי מיר האָבן עס שוין באַמערקט אויבן.

זייער אינטערעסאַנט זיינען די דאַטן וועגן די איינצלנע הויפּט-פאַכן אין גאַנץ פוילן:

טאַבעלע 21.

די הויפּט-פאַכן אין פוילן לויט די רעגיסטראַציע קאַרטעס צום יאָר 1929.

פאך	יידן	ניט-יידן
1. שניידער . .	20.608	11.160
2. שוסטער . . .	11.450	24.804
3. בעקער . . .	5.564	6.076
4. קצבים . . .	4.979	9.940
5. סטאָליאַרעס . .	4.870	10.915
6. קאָמאַשן-שטעפּער	3.728	651
7. פריזירער . .	3.349	3.148
8. בלעכער . .	2.653	1.138
9. זייגערמאַכער .	2.148	786
10. היטלמאַכער . .	2.005	60
11. שמידן . . .	1.813	15.025
12. מאַליאַרעס . .	1.485	1.790
13. קאָנדיטער . .	1.108	1.398
14. קירזשנער . .	1.027	790
15. קאַפּעליושמאַכער	878	642
16. גלעזער . . .	794	312

דער הויפּט-פאַך ביי יידן איז נאָך אַלץ שניידעריי, וועלכער באַשעפטיקט 25 פּראָצ. פון אַלע יידישע האַנטווערקער. דערנאָך גייט שוסטעריי, וועלכע איז אָבער צוויי מאָל קלענער פון אים, ווייטער גייען בעקער, קצבים און סטאָליארעס כמעט אין אַ גלייכער צאָל, אָבער יעדערער פיר מאָל קלענער פון אים. נאָך די סטאָליאַרעס גייען כמעט אין אַ גלייכער צאָל קאָמאַשן-שטעפּער און פריזירער. ביי ניט-יידן גייען אויפן ערשטן אָרט שוסטער. דערנאָך אויף צוויי דריטל קלענער — שמידן, ווייטער גייען שניידער און סטאָליאַרעס כמעט אין אַ גלייכער צאָל, אָבער אין צווייען ווייניקער ווי שוסטער. נאָך די סטאָליאַרעס גייען קצבים און דערנאָך אויף אַ דריטל ווייניקער — בעקער.

אינגאַנצן יידישע פאַכן זיינען היטלמאַכער. דערנאָך אין אַ קלענערער מאָס קאָמאַשן-שטעפּער און זייגערמאַכער.

6. פון וועלכע פּראָפעסיעס לעבט די באַפעלקערונג

(פּראָפעסיאָנעל אַקטיווע און פּאַסיווע צוזאַמען)

אויף דער פראַגע, פון וועלכע פּראָפעסיעס לעבט די אָרטיקע באַפעלקערונג פון **ווילנער** און **נאָוואָגרודקער** וואָיעוואודסטוועס, גיט אונז אַן ענטפער די פאָלגנדע טאַבעלע.

טאַבעלע 22.

די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער און ניט-יידישער באַפעלקערונג (1921)

	וואָיעוואודסטווע		נאָוואָגרודקער		ווילנער (אָן דער שטאָט ווילנע און די דריי פאוויאטן, וועלכע זיינען ניט אריינגענומען געוואָרן בשעת דער פאלקצײלונג פון יאר 1921)	
פּראָפעסיעס	יידן	ניט-יידן	יידן	ניט-יידן	יידן	ניט-יידן
צוזאַמען . . .	74.334	748.755	27.935	448.229		
לאַנד- און וואַלד ווירטשאַפט, גערטנעריי און פישפאַנג	8.349	680.435	3.280	416.462		
בערגבוי, אינדוסטריע און מלאכה	26.996	18.834	8.325	14.702		
האַנדל און פאַרזיכערונג	23.079	2.169	12.226	1.057		
קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט	2.658	7.586	953	3.654		
פרייע פּראָפעסיעס א. א.	3.436	9.771	937	4.747		
אַרמיי	36	2.617	4	331		
הויז-דינערשאַפט און ענלעכע	922	3.710	269	1.835		
אַרבעטסלאָזע און קיינמאָל ניט באַשעפטיקטע . . .	5.816	19.923	889	2.985		
אָן אַ פאַך	3.042	4.710	1.032	2.456		
אין פּראָצענטער						
צוזאַמען . . .	100 %	100 %	100 %	100 %		
לאַנד- און וואַלד ווירטשאַפט, גערטנעריי און פישפאַנג	11,3	90,9	11,7	93,3		
בערגבוי, אינדוסטריע און מלאכה	36,5	2,5	29,7	3,0		
האַנדל און פאַרזיכערונג	30,9	0,3	43,7	0,2		
קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט	3,6	1,0	3,4	0,8		
פרייע פּראָפעסיעס א. א.	4,6	1,3	3,3	1,1		
אַרמיי	0,0	0,2	0,1	0,1		
הויז-דינערשאַפט און ענלעכע	1,2	0,5	1,1	0,4		
אַרבעטסלאָזע און קיינמאָל ניט באַשעפטיקטע . . .	7,8	2,7	3,2	0,6		
אָן אַ פאַך	4,1	0,6	3,8	0,5		

פון די דאָזיקע ציפער איז צו זען, אַז אויף יעדע 100 יידן אין נאָוואָגרודקער וואָיעוואודסטווע לעבן: 11,3 פּראָצ. פון לאַנדווירטשאַפט, 36,5 פּראָצ. פון אינדוסטריע און מלאכה און 30,9 פּראָצ. פון האַנדל. אין ווילנער וואָיעוואודסטווע ווידער לעבן: פון לאַנדווירטשאַפט — 11,7 פּראָצ., פון אינדוסטריע און מלאכה 29,7 פּראָצ. און פון האַנדל—43,7 פּראָצ. יידן. די איבעריקע — פון אַלע אַנדערע באַשעפטיקונגען.

די דאָזיקע פאַרהעלטעניש פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד-מאַסשטאַב איז אויסגעפאַלן כמעט דיזעלבע (אויסער לאַנדווירטשאַפט), ד. ה. אויף 100 יידן אין פּוילן לעבן: 5,3 פּראָצ. פון לאַנדווירטשאַפט, 33,8 פּראָצ. פון אינדוסטריע און מלאכה און 41,3 פּראָצ. פון האַנדל.

דאַקעגן ביי ניט-יידן, איז די דאָזיקע פּראָצענטועלע פאַרהעלטעניש גאָר אַן אַנדערע: אויף יעדע 100 ניט-יידן אין נאָוואָגרודקער וואָיעוואודסטווע לעבן: פון לאַנדווירטשאַפט 90,9 פּראָצ. (אין ווילנער — 93,3), פון אינדוסטריע און מלאכה — 2,5 פּראָצ. (אין ווילנער — 3,0), פון האַנדל — 0,3 פּראָצ.

די פאַרהעלטעניש פון דער ניט-יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד-מאַסשטאַב, שטעלט זיך פאָר ווי פאָלגנד: אויף יעדע 100 ניט-יידן אין פּוילן לעבן: פון לאַנדווירטשאַפט 72,9, פון אינדוסטריע און מלאכה - 11,3 און פון האַנדל 2,1 ניט-יידן.

ווילן מיר אָבער דורכפירן די קאָמבינאַציעס צווישן דער יידישער און ניט-יידישער באַפעלקערונג אינערהאַלב פון יעדן עקאָנאָמישן קלאַס, וועלן מיר באַקומען פאָלגנדן בילד:

טאַבעלע 23.

פּראָפּעסיעס אויף יעדע 100 איינוואוינער (1921)

אויף יעדע 100 איינוואוינער, וועלכע לעבן פון	אין נאָוואָ-גרודקער וואָיעוו.		אין ווילנער וואָיעוו. אָן דער שטאָט ווילנע און די דריי פּאָוויאַטן		אין גאַנץ פּוילן	
ווינען צייכן זי פּראָצ:	יידן	ניט-יידן	יידן	ניט-יידן	יידן	ניט-יידן
לאַנדווירטשאַפט	1,0	99,0	0,7	99,3	0,9	99,1
אינדוסטריע און מלאכה. . . .	58,9	41,1	39,5	60,5	26,5	73,5
האַנדל	92,3	7,7	93,0	7,0	70,6	29,4

די דאָזיקע דאַטן כאַראַקטעריזירן בולט די סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די אויבנדערמאָנטע וואָיעוואודסטווס. די דאַטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם אַנטייל פון דער יידישער און ניט-יידישער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע באַשעפטיקונגס-צווייגן, באַווייזן, אַז ניט נאָר די ספּעציפישע צווייגן, ווי סחורות-האַנדל, דערנערונג, באַקליידונג, לעדער, — געפינען זיך כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט, נאָר אפילו אין אַזעלכע צווייגן ווי מעטאַל, מאַשין און עלעקטראָטעכניק — זיינען די יידן פאַרטראָטן באַדייטנד גרעסער, ווי אין אַנדערע וואָיעוואודסטווס. אויב מיר וועלן אַראָפּרעכענען די לאַנדווירטשאַפט אין די דאָזיקע צוויי וואָיעוואודסטווס און וועלן נאָך נעמען אין אַכט, אַז זיי פאַרמאָגן ניט קיין אַנטוויקלטע שווער-אינדוסטריע, — וועט אויסקומען, אַז איבער ²/₃ פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז טעטיק אין דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און אין סחורות-אויסטויש, זיינען יידן.

אַנדערש וועלן זיך אין דער הינזיכט געשטאַלטן די דאָזיקע באַדינגונגען אין די געביטן און וואָיעוואודסטווס, וואו ס'איז פאַראַן אַ ברייט-אַנטוויקלטע אינדוסטריע, אין וועלכער ס'איז פאַרטראָטן דער ניט-יידישער פּראָלעטאַריאַט.

6. די אינדוסטריע אין ווילנער געגנט.

די מזרח-געביטן בכלל, וועלכע זיינען שיטער באַפעלקערטע געגנטן, האָבן געהאַט זייער אַ שוואַך-אַנטוויקלטע אינדוסטריע.

פאַר דער מלחמה (1911) האָט די אינדוסטריע-פּראָדוקציע פון קאָנגרעס-פּוילן באַטראָפן 60,8 רובל אויף אַן איינוואוינער, בשעת דער דורכשניטלעכער ווערט פון די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון די מזרח-געגנטן האָט קוים דערגרייכט 10,9 רובל אויף אַן איינוואוינער.

די אינדוסטריע פון ווילנער געגנט, אין פאַרגלייך מיט דער אינדוסטריע פון אַנדערע געגנטן אין פּוילן, איז געווען זייער שוואַך אַנטוויקלט. די ווילנער גובערניע האָט פאַר דער מלחמה געציילט 25.890 אַרבעטער, דערפון האָבן נאָר 7.400 געאַרבעט אין דער גרויס-אינדוסטריע; אויף 1.000 איינוואוינער איז געווען 13 אינדוסטריע-אַרבעטער, דערפון האָבן 4 געאַרבעט אין דער גרויס-אינדוסטריע, בשעת קאָנגרעס-פּוילן האָט געהאַט 68 אינדוסטריע-אַרבעטער אויף 1.000 איינוואוינער, דערפון איז אויסגעפאַלן 19 אויף דער גרויס-אינדוסטריע; אין גאַליציע איז אויף 1.000 איינוואוינער געווען 37 אינדוסטריע-אַרבעטער, דערפון זיינען 7 געווען טעטיק אין דער גרויס-אינדוסטריע.

לויט דער אויסרעכענונג פון דער דירעקציע פאַר האַנדל און אינדוסטריע אין ווילנער געביט, האָט די ווילנער געגנט אין יאָר 1921 געציילט 590 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דערפון 413 יידישע און 177 קריסטלעכע, די פּראָדוקציע האָט באַטראָפן נאָר עטלעכע און צוואַנציק פּראָצענט לגבי דער פאַרמלחמהדיקער (ז. דעם אויבן-ציטירטן ווערק פון סטודניצקי).

ניט האַבנדיק די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די מאַטעריאַלן פון 1897 וועגן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט דעם איצטיקן מצב, צוליב דער אַדמיניסטראַטיווער צוטיילונג פון דער פריערדיקער ווילנער גובערניע, וועלן מיר פּרובן געבן אַ פראַגמענט פון דער גרויסער אַרבעט פון פּראָפ. פּיעקאַלקעוויטש וועגן די ווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען אין פּוילן. פּיעקאַלקעוויטש האָט פון דער גאַנצער ווילנער געגנט קאָנסטרואירט נאָר איין אינדוסטריעלן ראַיאָן פון ווילנע שטאָט און ווילנער פּאַ. וויאַט, אויף וויפיל זיי אַנטשפּרעכן דעם אינדוסטריעלן כאַראַקטער לגבי די אינדוסטריעלע ראַיאָנען אין איבעריקן פּוילן (פאַרגלייך אונזער אַרבעט אין „קאָאָפּ. באַוועגונג" — 11—12, 1929 און 1—2, 1930).

לויט די אויסרעכענונגען פון פּראָפ. פּיעקאַלקעוויטש זיינען אין דעם אינדוסטריעלן ראַיאָן פון ווילנער געגנט (שטאָט ווילנע און ווילנער פּאָוויאַט) פאַראַן 59 מיטעלע און גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע באַשעפטיקן בס"ה 3.364 אַרבעטער (אונטערנעמונגען פון 20 אַרבעטער אָן. אויפן 1-טן מאַי 1926). פון די אינדוסטריע-צווייגן, וועלכע זיינען אַממייסטן אַנטוויקלט אין ווילנע, זיינען: גלאָז-הוטעס,

האָלץ-טאַרטאַקן און לעדער-גאַרבערייען. אין די שכנותדיקע פּאָוויאַטן פון ווילנער געגנט האָבן מיר אַ זייער ניט-באַדייטנד אַנטוויקלטע אינדוסטריע. די צאָל מיטעלע און גרעסערע אונטערנעמונגען איז דאָרט אַ מינימאַלע.

אויף ווי ווייט דער ווילנער ראַיאָן איז אינדוסטריעל-אָפּגעשטאַנען לגבי די אַנדערע ראַיאָנען אין איבעריקן פּוילן, באַווייזט דער פאַרגלייך, וועלכן מיר וועלן ווייטער מאַכן פון דער פּראָצענט-פאַרהעלטעניש פון אַרבעטער און אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן מער ווי 20 אַרבעטער, לגבי דער אַלגעמיינער צאָל פּראָפעסיאָנעל-אַקטיווע אין דער אינדוסטריע.

טאַבעלע 24.

ס׳זיינען באַשעפטיקט אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מער ווי 20 אַרבעטער אין	פּראָצ. פון אַלע פּראָפ. אַקטיווע אין דער אינד.
וואַרשע שטאָט	24,6
וואַרשעווער וואָיעוו.	72,6
לאָדז	44,5
קיעלץ	43,0
לובלין	19,8
ביאַליסטאָק	18,5
ווילנע	2,1 *)
נאָוואָגרודאָק	12,3 **)
פּאָלעסיער	15,0
וואָלינער	15,3
פּויזנער	46,2
פּאָמערן	39,5
שלעזיע	80,9
קראָקע	35,5
לעמבערג	23,8
סטאַניסלאַוואָוו	28,9
טאַרנאָפּאָל	67,1

די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין ווילנער געגנט טיילן זיך איין דערהויפּט אין פאָלגנדע צווייגן:

טאַבעלע 25.

אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט איבער 20 אַרבעטער – אין ווילנער אינדוסטריעלן ראַיאָן (מאַי 1926).

אינדוסטריע-צווייגן	ס״ה אין גאַנץ פּוילן		דערפון אין ווילנער ראַיאָן			
	צאָל אונטערנעמונגען	צאָל אַרבעטער	צאָל אונטערנעמונגען	צאָל אַרבעטער	% אונטערנעמונגען	% אַרבעטער
1. צעגעלניעס	362	18.431	1	82	0,3	0,4
2. גלאָז-הוטעס	79	13.431	3	415	3,8	3,1
3. טעקסטיל	552	100.386	2	39	0,4	—
4. פּאַפּיר	40	7.039	6	447	15,0	6,3
5. לעדער	75	3.651	5	108	6,7	3,0
6. איבעראַרבעט. פון רוי-לעדער	354	219.886	13	5.603	3,7	2,6
7. האָלץ-טאַרטאַקן	549	31.747	15	585	2,7	1,8
8. מילן	119	3.170	2	44	1,7	1,4
9. פּאָליגראַפיע	173	7.473	4	100	2,3	1,3

אויפן ערשטן אָרט גייט דאָ די פּאַפּיר-אינדוסטריע מיט 15 פּראָצ. אונטערנעמונגען און 6,3 פּראָצ. אַרבעטער. דאַן נייט די לעדער-אינדוסטריע מיט 6,4 פּראָצ. באַשעפטיקטע אַרבעטער לגבי דער גאַנצער צאָל אַרבעטער אין דער דאָזיקער אינדוסטריע אין גאַנץ פּוילן.

פון די אַלע דאַטן איז צו זען, אַז דער אינדוסטריעלער כאַראַקטער פון ווילנער געגנט איז סיי לויט דער קוואַנטיטעט און סיי לויט דער קוואַליטעט פון די פּראָדוקציע-צווייגן לגמרי אַן אַנדערער, ווי אין די איבעריקע געגנטן אין פּוילן, אין וועלכער ס׳איז קאָנצענטרירט די שווערע אינדוסטריע, סיי די איבערפּראָדוצירנדע און סיי די רוי-פּראָדוצירנדע.

צום סוף וועלן מיר נאָך פּרובן זיך אָפּשטעלן אויף די קאַרגע און ווייניקע ידיעות, וועלכע זיינען פאַראַן וועגן דער צאָל יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין דער פריערדיקער ווילנער גובערניע און פון דער איצטיקער ווילנער געגנט. די מאַטעריאַלן וועגן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין דער אַמאָליקער ווילנער געגנט, באַציען זיך צום יאָר 1897/8 אויפן סמך פון דער דורכגעפירטער אַנקעטע דורך יק״א. די דאַטן ווידער וועגן דער ווילנער געגנט באַציען זיך אויף די מאַטעריאַלן פון דער דורכגעפירטער אינדוסטריעלער אַנקעטע דורכן „דזשוינט“ אין יאָר 1921.

די מאַטעריאַלן פון די יק״אַ-קאָרעספּאָנדענטן, האָבן אַרומגענומען נאָר די אַלגעמיינע צאָל פון 213 פאַבריקן (דערפון יידישע–165), מיט אַן אַלגעמיינער צאָל פון 4.486 אַרבעטער (דערפון יידישע–2.407). אין פאַבריקן מיט מאָטאָרן האָבן געאַרבעט 22,5 פּראָצ. יידישע אַרבעטער, דאַקעגן אין פאַבריקן אָן מאָטאָרן – 77,5 פּראָצ.

לויט די מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען באַאַרבעט געוואָרן אויפן סמך פון די ידיעות פון האַנדלס-דעפּאַרטאַמענט ביים אינערן-מיניסטעריום, האָט די אַלגעמיינע צאָל פאַבריקן אין ווילנער גובערניע באַטראָפן 353 (דערפון 178 יידישע): די אַלגעמיינע צאָל אַרבעטער אויף די דאָזיקע פאַבריקן האָט באַטראָפן 2.407. דער ווערט פון דער פּראָדוקציע האָט באַטראָפן 11.588.000 רובל, דערפון אין די יידישע פאַבריקן 6.900.000 רובל.

די אויפגאַבע פון דער „דזשוינט“-אַנקעטע איז געווען „צו זאַמלען סטאַטיסטישע ידיעות וועגן יידישע אינדוסטריעלע און האַנטווערקער-אונטערנעמונגען, וואו יידן לוין-אַרבעטער, אייגנטימער און פאַמיליען-מענטשן נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין פּראָדוקציע-פּראָצעס“.

לויט די מאַטעריאַלן פון דער דאָזיקער אַנקעטע, זיינען אין ווילנער געביט (8 שטעט *) אויסגעפאָרשט געוואָרן 3.575 יידישע אונטערנעמונגען, דערפון זיינען 173 געווען ניט טעטיק (בלויז אין ווילנע–שטאָט זיינען דאַן ניט טעטיק געווען 111 אונטערנעמונגען).

אויף יעדע 100 פון דער אַלגעמיינער צאָל באַשעפטיקטע אין די אונטערנעמונגען, זיינען געווען: 38,3 אייגנטימער,

---

*) אין די פּאָוויאַטן: דוניליאָוויטש 1,0; דיסנע 3,0; ווילייקע 3,3.

**) אין די פּאָוויאַטן: באַראַנאָוויטש 11,1; לידע 13,4; ניעסוויז 5,0; נאָוואָגרודאָק 17,0; סלאָנים 22,6; סטאָלפּצי 3,0; וואָלאָזשין 3,1.

*) דיסנע, גלובאָקע, איוויע, לידע, ניי-סווענציאַן, אשמענע, סווענציאַן און ווילנע.

15,5 מיטהעלפנדיקע פאַמיליע-אייגנטימער און 46,2 לוין-אַרבעטער.

די דורכשניטלעכע צאָל באַשעפטיקטע פּערזאָנען אויף איין אונטערנעמונג באַטרעפט 2,6.

טעטיקע אונטערנעמונגען אָן לוין-אַרבעטער זיינען אין ווילנער געגנט געווען 56,5 פּראָצ.

7. צאָל אויסגעקויפטע האַנדלס- און אינדוסטריע-פּאַטענטן אין ווילנער געגנט.

אַלס הויפּט-סימן פאַר דעם אַנטוויקלונגס-גראַד אין האַנדל און אין דער אינדוסטריע, באַטראַכטן מיר די צאָל אויסגעקויפטע האַנדלס- און אינדוסטריע-פּאַטענטן.

לויט די אָפיציעלע דאַטן, וועלכע מיר האָבן אין אונזער רשות, זיינען דורך דער ווילנער פינאַנץ-קאַמער אויסגעקויפט געוואָרן פאָלגנדע צאָל פּאַטענטן:

טאַבעלע 26.

יאָר	צאָל פּאַטענטן	דערפון האַנדלס-פּאַטענטן	פון דער דאָזיקער צאָל אין דער שטאָט ווילנע
1924	23.554	14.744	6.789
1925	25.534	15.428	6.630
1926	21.673	14.383	6.105
1927	24.913	16.304	6.209
1928	25.180	15.598	6.615
1929	24.095	15.357	6.189
1930	23.175	14.727	5.661

פון די דאָזיקע ציפער זעען מיר, אַז די צאָל אויסגעקויפטע פּאַטענטן, וועלכע איז דערגאַנגען אין יאָר 1928 צו דער גרעסטער צאָל איבער 25 טויזנט, הייבט אָן צוליב דעם קריזיס צו פאַלן און פאַרקלענערט זיך בסדר.

אויף ווי ווייט דער קריזיס האָט געווירקט אויף דער פאַרקלענערונג פון די גרעסערע אונטערנעמונגען באַווייזט די צאָל אויסגעקויפטע פּאַטענטן פון דער 1-טער און 2-טער קאַטעגאָריע (דורך דער ווילנער פינאַנץ-קאַמער *):

טאַבעלע 27.

יאָר	צאָל פּאַטענטן 1-טע און 2-טע קאַטעגאָריע	פון דער דאָזיקער צאָל אין דער שטאָט ווילנע
1924	1.907	1.178
1925	1.488	1.010
1926	1.147	826
1927	1.359	841
1928	1.352	862
1929	1.422	885

די דאָזיקע פאַרקלענערונג איז געגאַנגען אויפן חשבון פון דעם וואוקס פון די קלענערע האַנדלס-קאַטעגאָריעס און באַזונדערס אויף דער 4-טער קאַטעגאָריע. די ווילנער פינאַנץ-קאַמער גיט אַרויס נאָר 4 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל פּאַטענטן אין פּוילן (ס"ה ווערן יערלעך אויסגעקויפט אין פּוילן בערך 600.000 פּאַטענטן, דערפון 400.000 האַנדלס-פּאַטענטן).

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו באַקומען אַ בילד וועגן דער צאָל אויסגעקויפטע פּאַטענטן דורך יידישע אונטערנעמונגען. אָבער לײדער ווערט אין דער דאָזיקער סטאַטיסטיק ניט באַריקזיכטיקט די פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, אַזוי אַז מען קען ניט גענוי פעסטשטעלן אויף דעם סמך פון די ביז-איצט פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן, די צאָל יידישע אונטערנעמונגען.

מיר וואָלטן אָבער געקענט דורכפירן אַ געוויסע קאָמבינאַציע צווישן דער צאָל „זעלבשטענדיקע" לויט די רעזולטאַטן פון דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1921 און אָננעמען, אַז דער זעלבסטשטענדיקער איז גלייכצייטיק אַן אייגנטימער פון אַן אונטערנעמונג, לויט דעם דאָזיקן מעטאָד, וואָלט אַלזאָ אויסגעקומען, אַז אויף 100 זעלבשטענדיקע אין האַנדל זיינען דאָ 92,5 יידן און אויף יעדע 100 זעלבסטשטענדיקע אין דער אינדוסטריע, זיינען פאַראַן 49,7 יידן זעלבשטענדיקע (חוץ ווילנע, טראָק, אָשמענע און סווענציאַן), — אָדער אַנדערש געזאָגט 70 פּראָצ. פון די האַנדלס- און אינדוסטריע-אונטערנעמונגען זיינען יידישע.

מיר האָבן אויך אין אונזער רשות אַן אַנדער קוועלע, וועלכע באַשטעטיקט אונזער אויבנדערמאָנטע אויסרעכענונג.

וול. סטודניצקי ציטירט אין זיין שוין דערמאָנטער אַרבעט, אַז לויט אַ ספּעציעלער אויספאָרשונג, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 1 אָקטאָבער 1919, זיינען דאַן אין ווילנער געגנט געווען 6.937 האַנדלס-אונטערנעמונגען, דערפון 4.927 יידישע (אָדער 72 פּראָצ. יידישע און די איבעריקע קריסטלעכע):

טאַבעלע 28.

אין ווילנע שטאָט .	4.813	געוועלבער
„ ווילנער פּאָוויאַט	455	„
„ טראָקער „ .	118	„
„ סווענציאַנער „ .	959	„
„ אָשמענער „ .	412	„
הויזירער אין ווילנע-שטאָט און אין די פיר אָנגערופענע פּאָוויאַטן	180	

יעקב לעשטשינסקי האָט אין זיין זייער אינטערעסאַנטער אַרבעט וועגן „חורבן ווילנע" („ווירטשאַפט און לעבן", בערלין 1929, I), אָנגעוויזן, אַז אין ווילנע שטאָט, זיינען צום 1 יולי 1926 געווען 3.496 יידישע אונטערנעמונגען, פון דער אַלגעמיינער צאָל 6.202, ד. ה. 56,4 פּראָצ.; האַנדלס-אונטערנעמונגען זיינען געווען 714, פון זיי יידישע 533, ד. ה. 74,7 פּראָצ.

פון די אַלע דאַטן קענען מיר שוין יעדנפאַלס באַקומען אַ מער-ווייניקן באַגריף וועגן דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט פון די האַנדלס- און אינדוסטריע-אונטערנעמונגען אין ווילנער געגנט, באַצייכענענדיק, אַז $\frac{3}{4}$ פון אַלע אונטערנעמונגען געהערן צו יידן.

8. די לאַנדווירטשאַפט אין ווילנער געגנט.

די לאַנדווירטשאַפט אין ווילנער געגנט צייכנט זיך אויס מיט אַ זייער נידעריקן פּראָצענט אַקער-באָדן און מיט די מינימאַלסטע ווייץ-זריעות. אין דער דאָזיקער געגנט באַנוצט מען זיך כמעט ניט מיט קיין קינסטלעכע באַמיסטיקונגען. די תבואה-שניטן זיינען זייער נידעריק. כמעט אַלע פּאָוויאַטן פון דער דאָזיקער געגנט פאַרמאָגן אַ ניט-גענוגנדע פאַר זיך תבואה-פּראָדוקציע. גלייכצייטיק צייכנט זיך אויס די געגנט מיט אַ קליינער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג, אָבער מיט אַ גרויסן פּראָצענט באַפעלקערונג, וואָס לעבט פון לאַנדווירטשאַפט.

די געגנט, וועלכע איז געווען פון תמיד אָן זייער אָן אָרעמע, איז באַזונדערס שטאַרק געטראָפן געוואָרן פון דעם לעצטן גרויסן וועלט-קריג, וועלכער האָט אין אַ ניט-גלייכער מאָס לגבי אַנדערע געגנטן, פאַרניכטעט דעם גרעסטן טייל אינווענטאַר פון דער לאַנדווירטשאַפט און נאָך מער פאַרקלענערט די פּראָדוקטיוויטעט פון די ווירטשאַפטן אין דער דאָזיקער געגנט. זי איז חרוב געוואָרן פון די אָפטע מלחמה-אָפּעראַציעס, רעקוויזיציעס פון די פאַרשיידענע מיליטערישע אָפּטיילונגען, אָקופּאַציעס, מהומות א. אַז. וו. אַ טייל פּאָוויאַטן האָבן פאַרלאָרן ביז אַ דריטל פון זייערע שטענדיקע איינוואוינער (ווילנער פּאָוויאַט — 24 פּראָצ., בראַסלאַווער — $27\frac{1}{4}$ פּראָצ., לידער — 27 פּראָצ. אָשמענער — $32\frac{1}{4}$ פּראָצ., סווענציאַנער — $27\frac{1}{4}$ פּראָצ.).

די צאָל פון לעבעדיקן אינווענטאַר אין ווילנער געגנט איז אויך באַדייטנד געפאַלן, אַז אין יאָר 1919 האָט די דאָזיקע געגנט פאַרמאָגט פיל ווייניקער

---

*) צו דער ווילנער פינאַנץ-קאַמער געהערן די קרייז-פינאַנץ-אַמטן אין פאָלגנדע פּאָוויאַטן: בראַסלאַוו, דיסנע, אָשמענע, פּאָסטאַוו, סווענציאַן, ווילייקע, ווילנע-טראָקער, שטאָט ווילנע (מיט 3 פינאַנץ אַמטן).

פערד און בהמות, איידער מיט אַכציק יאָר צוריק.

פאַר דער מלחמה האָט די ווילנער געגנט באַזעסן דורכשניטלעך אויף אַ קוואַדראַט-קילאָמעטער 7 פערד, 16 שטיק בהמות, 8 חזירים און 10 שעפּסן. אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע דאַטן זיינען אין יאָר 1919 געווען איבער צוויי מאָל ווייניקער פערד און אין פאַרשיידענע פּאָוויאַטן פיר מאָל ווייניקער בהמות.

צוליב דעם טאַקע פילט זיך אין ווילנער געגנט אַ גרויסער מאַנגל אין לעבעדיקן אינווענטאַר, וועלכע ווערט מאַסנווייז געבראַכט פון אַנדערע קאַנטן אין פוילן, וואָס זיינען אין דעם פּרט ניט אין אַן ערך רייכער.

דאָס פּראָבלעם פון באַזיצן אַ לעבעדיקן אינווענטאַר איז דער הויפּט-יסוד פון דער לאַנדווירטשאַפט אין דעם קאַנט, ווייל פון דער צאָל לעבעדיקן אינווענטאַר אין אַ געגנט, וועלכע פאַרמאָגט ניט קיין שום מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און באַנוצט אויך ניט גלייכצייטיק קיין שום קינסטלעכע באַמיסטיקונגען, — איז אָפּהענגיק דער פאַרנעם פון זריעות און די הכנסה פון די תבואה-שניטן, וועלכע זיינען פיל קלענער ווי אין קאָנגרעס-פוילן און גאַליציע און גאָר קליין לגבי פויזן.

לויט פּראָפ. פּיעקאַלקיעוויטש האָט דער מזרח-דרומדיקער ראַיאָן, אין וועלכן ס'גייען אַריין די פּאָוויאַטן בראַסלאַוו, דיסנע, פּאָסטאַוו, סווענציאַן, אַשמענע, ווילייקע, מאָלאָדעטשנע, סטאָלפּצע, וואָלאָזשין און לידע פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע איינגשאַפטן (די ידיעות געהערן צו די יאָרן 1925/26):

ט א ב ע ל ע 28A.

א י י נ ג ש א פ ט ן	ווילנער געגנט	סלאָנים — נאָוואָגר.	פויזנער ראַיאָן
אויף אַ קיוואַדראַט קילאָמעטער:			
די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג	30,1	45,1	70,5
פּראָצענט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג	88,2	80,2	62,9
די געדיכטקייט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג *)	66,3	66,2	54,6
פּראָצענט אַקער-באָדן	32,1	43,2	70,8
פּראָצענט וואַלד	30,1	29,2	13,7
שנים פון ווייץ (אין קווינטאַל אויף אַ העקטאַר)	7,9	9,1	19,1
שנים פון קאָרן „ „ „ „	7,4	8,8	17,1
קאַרטאָפל „ „ „ „	95,0	110,0	149,0
שניט פון ברויט-תבואות (אין קילאָ אויף אַן איינוואוינער)	234,0	237,0	628,0

די אַלע אויבנגעבראַכטע ציפער כאַראַקטעריזירן אונז די בלוס-אָרעמקייט פון דער געגנט, די קליינע קויפס-קראַפט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג און די ווייניקע פּערספּעקטיוון וועגן אַ ווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע פון די שטעט און שטעטלעך, וועלכע רינגלען אַרום די דאָזיקע זייער פאַראָרעמטע דערפער.

9. אַגראַר-רעפאָרם.

די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג האָט זיך פאַר די לעצטע 8 יאָר זייער ווייניק געענדערט, סיי דער ערשטער געזעץ וועגן דער אַגראַר-רעפאָרם, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן דורכן סיים דעם 1 יוני 1919 און סיי דאָס גאָוועליזירן פון דערמאָנטן געזעץ דעם 10 פעברואַר 1925, — האָבן זייער ווייניק מיטגעהאָלפן צו ענדערן די סטרוקטור פון דער לאַנדווירטשאַפט אין ווילנער געגנט, צוליב פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע און פינאַנסיעלע טעמים (גענויער וועגן דער דאָזיקער פראַגע ז. מיין אַרבעט אין „ווירטשאַפט און לעבן", בערלין 1929, טאָם. 1).

10. אַנטייל פון יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט פון ווילנער געגנט.

לויט די ידיעות פון דער יק"אַ-אַנקעטע זיינען אין יאָר 1898 אין ווילנער געגנט געווען 325 לאַנדווירטשאַפטן, אויף וועלכער ס'האָבן זיך געפונען 316 משפחות (2.414 נפשות: 1.071 מענער און 1.060 פרויען). דער שטח באָדן פון די דאָזיקע ווירטשאַפטן האָט באַטראָפן 4.392 דעסיאַטין. חוץ דעם דאָזיקן באָדן, האָבן נאָך די קאָלאָניסטן באַאַרבעט 163 דעסיאַטין אַרענדירטן באָדן **).

לויט דער פאָלקס-ציילונג פון יאָר 1921 האָבן מיר נאָר ידיעות וועגן די ג ר ע ס ע ר ע לאַנדווירטשאַפטן, ד. ה. וועגן גיטער פון 50 העקטאַר אָן. פאַר די קלענערע ווירטשאַפטן, זיינען די מאַטעריאַלן, לויט די אמונות, ניט באַאַרבעט געוואָרן. אויפן סמך פון די דאָזיקע ידיעות, באַקומען מיר פאָלגנדן בילד וועגן דער פאַרהעלטעניש פון יידישע און ניט-יידישע גרעסערע לאַנדווירטשאַפטן אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע:

ט א ב ע ל ע 29.

וואָיעוואָדסטווע	צאָל גיטער		שטח (אין העקטאַר)	
	ס"ה	דערפון יידישע	ס"ה	דערפון יידישע
אין גאַנץ פוילן	19.348	311	10.327.222	162.301
אין ווילנער וואָיעוו.	2.536	24	803.922	7.485
אין נאָוואָגרודקער וואָיעוו.	1.244	11	685.823	3.140

---

*) אויף 100 העקטאַר אַקער-פעאיקן באָדן.

**) וועגן דער אויספאָרשונג פון 11 קאָלאָניעס אין ווילנער געגנט דורך דעם קאָמיטעט „יעקאָפּאַ" אין יאָר 1919 און זייער פאַרגלייך מיטן יאָר 1898 ז. דעם באַריכט וועגן דער ערשטער קאָנפערענץ פון „יעקאָפּאַ", אויך אויבן ז. 350 און ווייטער די אַרטיקלען „אַנקעטעס און אויספאָרשונגען". רעד.

UB

DFG

וועגן דער סטרוקטור פון די דאָזיקע גרויסע ווירטשאַפטן גיט אונז אַ בילד פאָלגנדע טאַבעלע:

טאַבעלע 30.

די גרויס פון די ווירטשאַפטן (אין העקטאַר)	אין גאַנץ פוילן		אין ווילנער וואָיעוו.		אין נאָוואָגרודקער וואָיעוו.	
	ס״ה צאָל גיטער	דערפון יידישע	ס״ה צאָל גיטער	דערפון יידישע	ס״ה צאָל ביטער	דערפון יידישע
צוזאַמען .	19.348	311	2.536	24	1.244	11
פון 50 — 100 .	6.220	78	1.019	12	387	1
פון 100 - 500 .	8.919	180	1.255	9	624	8
פון 500—1.000	2.259	23	126	1	122	2
איבער 1.000 .	1.950	30	136	2	111	—

פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן זעען מיר, אַז דער אַנטייל פון די יידן אין די גרעסטערע לאַנדווירטשאַפטן איז אַ קענסיקער. לײדער פעלן אונז אַנדערע גענויערע דאַטן וועגן דעם כאַראַקטער פון די דאָזיקע יידישע לאַנדווירטשאַפטן. דאָס וואָלט נאָר מעגלעך געווען צו באַקומען דורך אַ ספּעציעל-דורכגעפירטער אַנקעטע. אגב, איז שוין אַזאַ אַנקעטע דורכגעפירט געוואָרן אין גאַליציע[*], פון וועלכער ס'האָט זיך באַקומען זייער אַן אינטערעסאַנט בילד וועגן דער לאַגע פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין די דריי וואָיעוואָדסטוועס פון מזרח-גאַליציע.

11. איבער-באַפעלקערונג אין דאָרף.

שטיצנדיק זיך לויטן מעטאָד פון די אויסרעכענונגען פון פראָפ. לודקעוויטש פאַר גאַנץ פוילן („זאַגאַדנעניאַ פּראָגראַמו אַגראַרנעגאָ אַ עמיגראַציאַ") קומט אויס, אַז אויף דעם ביז-איצטיקן שטח פון די קליינע ווירטשאַפטן פון 5 העקטאַר וואָלטן געקאָנט אין ווילנער וואָיעוואָדסטווע[**] אויסהאַלטן זיך 17 טויזנט ווירטשאַפטן. דאָרט איז אָבער פאַראַן 35.653 ווירטשאַפטן מיט אַ באַפעלקערונג פון 178.000 פערזאָן. אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע לאַנדווירטשאַפטן איז אַלזאָ דאָ אַ עודף פון איבער 100 טויזנט מענטשן.

דער זעלבער מצב איז אויך אין נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע, וואו אין די קליינע ווירטשאַפטן איז דאָ אָרט ניט מער ווי פאַר 33 טויזנט משפחות, בשעת פאַקטיש געפינען זיך אויף דעם דאָזיקן באָדן 2 מאָל אַזוי פיל ווירטשאַפטן מיט אַן איבער-באַפעלקערונג פון בערך 225 טויזנט מענטשן.

די אַגראַר-רעפאָרם, וועלכע ווערט זייער לאַנגזאַם דורכגעפירט, ווי אויך די אויסטריקענונגס- און מעליאָראַציע-אַרבעטן, וועלן ניט קענען פאַרענטפערן דעם דאָזיקן פּראָבלעם אין זיין גאַנצן אומפאַנג. די איינציקע לייזונג איז דעריבער, לויט אַ טייל פוילישע עקאָנאָמיסטן און פּאָפּולאַציע - פּאָליטיקער, אַ מאַסן-קאָלאָניזאַציע פון די דאָזיקע עלעמענטן אין די לענדער פון מעבר-לים: בראַזיליע, אַרגענטינע א. א.

12. ווילנער געגנט אַלס פּאַסיווער פינאַנס-ראַיאָן אין פוילן.

די איצטיקע ווילנער געגנט געהערט צו די פּאַסיווסטע פינאַנס-ראַיאָנען אין פוילן (ז. די אַרבעט פון ד״ר פ. ראַסינסקי „פּאַסיווע און אַקטיווע פינאַנס-ראַיאָנען אין פוילן" אין „קוואַרטאַלניק סטאַטיסטיטשני" 1929) און ווי מיר זאָלן זיך ניט באַציען צו די פאַרשיידענע מעטאָדן און אופנים פון קאָנסטרואירן די צוקונפטיקע פינאַנס-פּאָליטיק פאַר די באַזונדערע געגנטן און ראַיאָנען, דאַרפן מיר פעסטשטעלן, אַז דער ווילנער ראַיאָן וועט תמיד בלייבן אַן אָביעקט פון בסדרדיקע און גרעסערע דעפיציטן אין מלוכה-אוצר צוליב דער ספּעציפישער לאַגע פון דער דאָזיקער געגנט אין עקאָנאָמישן און קולטורעלן זין, ווי ס'איז צו זען פון דער ווייטערדיקער טאַבעלע.

טאַבעלע 31.

אַקטיווע און פּאַסיווע פינאַנס-ראַיאָנען אין פוילן.

יאָר 1926

פינאַנס-ראַיאָן	עודף (אין טויזנטער זלאָטעס)		אויף איין איינוואוינער (אין זלאָטעס)			
			הוצאות	הכנסות	עודף	
	אַקטיוו	פּאַסיוו			אַקטיוו	פּאַסיוו
פּויזן . . .	33.162	—	114,03	130,72	16,61	—
וואַרשע . .	106.613	—	114,93	149,47	34,54	—
לאָדז . . .	109.454	—	42,77	90,75	47,98	—
לובלין . .	2.616	—	44,51	45,75	1,24	—
לעמבערג . .	—	68.059	63,42	51,19	—	12,23
קראָקע . .	—	70.846	104,62	69,51	—	35,11
ווילנע . .	—	45.900	84,82	37,96	—	46,86
נאָוואָגרודאָק .	—	18.763	46,34	23,86	—	22,48

13. קאָנסומציע.

די קאָנסומציע פון פאַרשיידענע דערנערונגס-אַרטיקלען דורך דער באַפעלקערונג אין די מזרח-וואָיעוואָדסטוועס איז זייער אַ נידעריקע און איז פאַרהעלטניסמעסיק קליין ווי אין אַלע איבעריקע געגנטן אין פוילן, וואָס באַווייזט אויף דער אָרעמקייט פון די איינוואוינער (אין גאַנץ פוילן איז אין יאָר 1927 קאָנסומירט געוואָרן 317.799 טאָן צוקער און אין יאָר 1928 — 357.051 טאָן). אַזוי, למשל, האָט די קאָנסומציע פון צוקער באַטראָפן אין די יאָרן 1927—1928:

טאַבעלע 32.

קאָנסומציע פון צוקער.

(אויף אַן איינוואוינער · אין קילאָגראַם)

	1927	1928
אין פוילן . .	10,59	11,54
צענטראַלע וואָיעוו.	12,26	13,06
מזרח· „	5,31	6,06
מערב· „	15,72	17,73
דרום· „	8,60	9,45

פון די דאָזיקע דאַטן זעען מיר, אַז אין די מזרח-קרעסן ווערט צוקער קאָנ-

---

[*] דורך ד״ר א. זילבערשטיין, ז. אויבן זייט 747, אויך לוח פון „יאָר צו יאָר" 1927, זייט 96—98. רעד.

[**] לויט דער פ. צ. פון יאָר 1921.

סומירט אויף אַ העלפט ווייניקער, ווי דורכשניטלעך אין גאַנץ פוילן און צוויי מאָל ווייניקער, ווי אין פויזנער געגנט.

14. וועגן דער אָרעמקייט אין ווילנער געגנט.

די אָרעמקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנער געגנט איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען זייער גרויס. לויט די מאַטעריאַלן פון דער יק״א-אַנקעטע פאַרן יאָר 1898 האָבן בערך 18 פּראָצ. פון יידישע משפחות גענאָסן פון געזעלשאַפטלעכע הילף, באַזונדערס פון קמחא דפסחא.

לויט די גובערניעס, שטעלט זיך דאָס פאַר ווי פאָלגענד: 1) אין קאָלישער, וואַרשעווער, שעדלעצער, לאָדזער, סובאַלקער האָט די דאָזיקע פאַרהעלטעניש באַטראָפן 14 פּראָצ.; 2) אין טאָווריִדער — 16 פּראָצ.; 3) אין וויטעפּסקער, מאָהילעווער, מינסקער, וואָלינער, טשערניגאָווער — 17 פּראָצ.; 4) אין פּאָדאָליער, קיעווער, פּאָלטאַווער, יעקאַטערינאָסלאַווער — 20 פּראָצ.; 5) אין קאָוונער, ווילנער, גראָדנער — 22 פּראָצענט.

פון דעם איז אַלזאָ צו זען, אַז די אָרעמקייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז אַמגרעסטן געווען אין ווילנער געגנט. די יידישע באַפעלקערונג האָט לויט די שטעט און שטעטלעך באַטראָפן 40 פּראָצ פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג. דערפון איז צו דרינגען, אַז די יידישע אָרעמעלייט האָבן געבילדעט בערך 7 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער פּראָצענט פון די אָרעמע איז אומגעהויער הויך און געפינט ניט קיין פאַרגלייך אין קיין שום לאַנד.

אין די יאָרן 1926—1930 האָט זיך די אָרעמקייט אין ווילנע און געגנט נאָך מער פאַרגרעסערט. אין יאָר 1930 האָבן זיך אין ווילנע געווענדעט נאָך פּסח-הילף אַ דריטל פון דער יידישע באַפעלקערונג.

פון דעם ביז איצט געזאָגטן קען מען זען, ווי קליין ס׳איז די עקסיסטענץ-באַזע פון דער יידישער טעטיקער באַפעלקערונג אין ווילנער געגנט נאָך דער מלחמה.

זייענדיק פולשטענדיק צוזאַמענגעבראָכן צוליב דער שווערער וועלט-מלחמה און דעם שפּעטערדיקן קריג צווישן פוילן און רוסלאַנד, איז דער יידישער ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזם ניט בכח געווען אין משך פון אַ קורצער צייט צוצופּאַסן זיך צו די ניי-געשאַפענע באַדינגונגען. די ווילנער געגנט, וועלכע איז פאַר דער מלחמה געווען שטאַרק צוזאַמענגעבונדן און ווירטשאַפטלעך אָפּהענגיק פון רוסלאַנד און אירע מערק, האָבן ניט געקענט אַזוי לייכט אַריינפּאַסן זיך אין דעם נייעם מלוכהשן אָרגאַניזם, וועלכער האָט אויך נאָך ניט באַוויזן צו פאַראייניקן אין צענטראַלן מאָסשטאַב זיין ווירטשאַפטס-באַזע.

הוץ די סטרוקטורעלע מניעות פון ווילנער געגנט, וועלכע איז אָפּגעריסן געוואָרן פון אַן אָרגאַניזם, צו וועלכן זי איז געווען צוגעוואַקסן אַ גאַנצן יאָרהונדערט, האָבן אויך דאָ געווירקט סיבות פון צופעליקן כאַראַקטער, ווי די קאָנ־יונקטור, ווירטשאַפטלעכע דעפּרעסיעס אין לאַנד, און באַזונדערס — די נאַטור-קאַטאַסטראָפעס — די הונגער-יאָרן און אומגערעטעניש אין עטלעכע פּאָוויאַטן פון ווילנער געגנט *), און צום סוף די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פון דער דאָזיקער געגנט.

און ווען מיר וועלן נאָך נעמען אין אַכט די גרויסע אָרעמקייט פון דער ווילנער געגנט, דעם נידעריקן מצב פון לאַנדווירטשאַפט, די קליינע קאָנסומציע פון אינדוסטריעלע אַרטיקלען און אפילו פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, — וועלן שוין פאַר אונז ווערן קלאָר און בולט די פאַרדינסט-מעגלעכקייטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז דאָך אָנגעוויזן אויף דעם עלעמענט, וואָס געפינט זיך שוין זינט פיל יאָרן אין אַ כסדרדיקער ווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע.

---

*) וועגן דעם ז. ווייטער די אַרטיקלען „אַנקעטעס און אויספאָרשונגען“.

רעד.

ליטעראַטור

1. ROMER E. Spis ludności na terenach administrowanych przez Zarząd Cywilny Ziem Wschodnich. Grudzień 1919. W-wa 1923.

2. MALISZEWSKI E. Przewodnik po gubernji Wileńskiej. W-wa 1913.

3. STUDNICKI WŁ. Ziemia Wileńska. W-wa 1922.

4. STUDNICKI WŁ. Zarys Statystyczno-ekonomiczny ziem północno - wschodnich. W-wa 1922.

5. BRENSZTEJN. Spis ludności m. Wilna za okupacji niemieckiej (od 1 listopada 1915). Wilno 1919.

6. LUDNOŚĆ LITWY SRODKOWEJ. Miesięcznik statystyczny. Wyd. G. U. S. 1922.

7. LANDAU LUDWIK. Metody porównania spisów ludności z 1897 i 1921 r. dla województw wschodnich. Kwartalnik statystyczny, tom III zeszyt 1, 1926.

8. J. PIEKAŁKIEWICZ i S. RUTKOWSKI. Okręgi gospodarcze Polski, Kwartalnik Statystyczny, tom IV zeszyt 4, 1928 r.

9. MATERJAŁY KOMISJI do usprawnienia administracji państwowej przy Prez. Rady Ministrów. W-wa 1929.

10. ROCZNIK STATYSTYCZNY za rok 1924, 1925, 1926, 1927, 1928, 1929.

11. ROCZNIK MINISTERSTWA SKARBU za rok 1924 i 1925.

12. Dr. F. ROSINSKI. O biernych i czynnych okręgach finansowych Polski. Kwartalnik Statystyczny, tom VI zeszyt 4, 1929.

13. POWSZECHNY SPIS LUDNOŚCI POLSKI z dnia 30.9.1921 r. Stosunki zawodowe. Wyd. Gł. Urzędu Statystycznego, 1926.

14. WIELKA WŁASNOŚĆ ROLNA. Spis Lud. z 30.9.1921 r. wyd. G. U. S. 1927.

15. JAN CZEKANOWSKI. Stosunki narodowościowo-wyznaniowe na Litwie i Rusi. Lwów 1918.

16. SBORNIK MATERJAŁOW ob ekonomiczeskom położenji jewrejew w Rosji. Peterburg. 1904.

17. PERWAJA SELSKO-CHOZJAJSKAJA i KUSTARNO-PROMISŁ. WYSTAWKA. Profesor A. A. Rybnikof. Melkaja promiszlennost Rosji. Moskwa 1923 r.

18. WASIUTYŃSKI BOHDAN. Ludność żydowska w Królewstwie Polskim „Ekonomista“, tom II kwartał 2, 1911 r.

19. AD. J. COHN. Stosunki ekonomiczne Żydów w Państwie Rosyjskim. W-wa 1904.

20. Statystyka akcji wymiarowej i poborowej podatków bezpośrednich i opłat stemplowych za rok 1925, 1926, 1927 i 1928 Wyd. Ministerstwa Skarbu.

21. Dane Ministerstwa Przemysłu i Handlu o rzemieślnikach w Polsce.

22. Prof. LUDWIK KRZYWICKI. Rozbiór krytyczny wyników spisu z dnia 30.9.1921 r. Warszawa. G. U. S. 1922.

23. Prof. ZDZISŁAW LUDKIEWICZ. Zagadnienia programu agrarnego a emigracja. Warszawa, 1929.

24. יעקב לעשטשינסקי. חורבן ווילנע. „ווירטשאַפט און לעבן“, בערלין 1928 (נומ׳ 2, 3) און 1929 (נומ׳ 1).

25. מאַנוסקריפּט-מאַטעריאַלן אויפן יסוד פון די ידיעות אין מלוכהשן הויפּט-סטאַטיסטישן אַמט אין וואַרשע.

פינאַנסיעלע באַריכטן

פון יידישן געגנט - קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע

פאַר די צייט פון 16 פעברואַר 1919 ביז 1 אַפּריל 1930.

צוליב די פאַרשיידענע וואַלוטעס און די בטרדיקע אומגעהויערע וואַקלענישן פון די וואַלוטעס פאַר די יאָרן פון 1919 ביז מיט 1924 זיינען די סומעס פאַר די יאָרן 1919—1923 איבערגערעכנט לויט אַ דורכשניטלעכן קורס אין דאָלאַרן און זיינען נאָר בערך ריכטיק. ווי פאַלן רעכענער אייך ניט אימעסים צוליב ביז די וואַלאָריזירטע און אַנדערע טערמינען סומעס, וועלכע ווערן געבראַכט אין די איבעריקע טיילן פון פנקס פאַר דיזעלבע יאָרן און באַטרעפנדיקע פּאָזיציעס, וואָס די געלטער זיינען געווען ספּעציאַליזירט און אַרויסגענומען פון די פאָנדס היימלאָזע-הילף, אויסבויאונג פון חורבֿ-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער, געזעלשאַפטלעכע בנינים א. אַ., וואָס האָבן אַ שייכות איינע צו די אַנדערע. צוליב דעם זעלבן טעם איז אין די באַריכטן פאַר די יאָרן 1919—1924 אָנגעגעבן נאָר די הוצאה.

ערשט פון יאָר 1925 און ווייטער, ווען די פּוילישע וואַלוטע איז סטאַביליזירט געוואָרן אין זלאָטעס, איז געוואָרן מעגלעך צו ברענגען די פולע קאַסע-באַריכטן אין דער פּוילישער וואַלוטע און הן אין דער הכנסה והן אין דער הוצאה. רעד.

1. יאָר 1919

הוצאה	דאָלאַרן
1. הילף פאַר די שטעטלעך פון פּראָווינץ (געגנט-הילף)	52.100
2. פאַרשיידענע אויפטראָגן פון ד. ר. ק.	23.000
3. דער ווילנער קהילה	14.000
4. געז. „אָרט“ אין ווילנע	7.500
5. געז. „אָזע“ אין ווילנע	3.500
6. געז. קינדער-פאַרזאָרגונג אין ווילנע	500
7. פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציוון אין ווילנע	2.000
8. קאָאָפּ. „אַרבעטער“ אין ווילנע	550
9. קיך פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע אין ווילנע	150
10. היימלאָזע-הילף	6.500
11. שיך און קליידער	6.200
12. הלוואות	5.500
13. אַמעריקאַנער אָנווייזונגען	5.500
14. יורידישע הילף	1.200
15. לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט	1.000
16. ביכער פאַר שולן און ביבליאָטעקן	700
17. אינדיווידועלע הילף	700
18. אַרבעטסלאָזע	600
19. שול-קינדער אויף פּסח	200
20. אָרגאַניזאַציאָנעלע און פאַרשיידענע הוצאות, פּערסאָנאַל און באַמטמעבליקטע	8.500
21. ערשטע קאָנפערענץ	400
בסך-הכל	140.300

2. יאָר 1920

הוצאה	דאָלאַרן
1. הילף פאַר די שטעטלעך פון פּראָווינץ (געגנט-הילף)	93.600
2. פאַרשיידענע אויפטראָגן פון ד. ר. ק.	15.400
3. שטיצע פאַרשיידענע קולטורעלע אַנשטאַלטן	1.500
4. היימלאָזע-הילף	9.650
5. מעדיצינישע הילף	6.900
6. שיך און קליידער	3.200
7. הלוואות	21.700
8. אַמעריקאַנער אָנווייזונגען	264.500
9. טשעקן אויף אינקאַסאָ	27.300
10. לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט	3.900
11. ביכער פאַר שולן און ביבליאָטעקן (ביכער-לאַגער)	14.500
12. צענטראַלער יתומים-אינטערנאַט	5.600
13. פּעדאַגאָגישע קורסן	3.250
14. האַנטווערקעריי און פּראָפעסיאָנעלע שולן	1.800
15. קאָאָפּעראַטיווע קורסן	460
16. מעבל- און שפּיל-פּלעצער-קורסן	160
17. זומער-קאָלאָניעס	2.000
18. פאַרשיידענע אויפטראָגן פון דעלעגאַט פון ווילנער רעליעף אין אַמעריקע צ. בירוש	800
19. גראָדנער רעליעף	400
20. לאָנדאָנער קאָמיטעט	150
21. אָרגאַניזאַציאָנעלע און פאַרשיידענע הוצאות, פּערסאָנאַל און באַמטמעבליקטע	11.000
בסך-הכל	487.770

3. יאָר 1921

הוצאה	דאָלאַרן
1. הילף פאַר די שטעטלעך פון פּראָווינץ (געגנט-הילף)	14.200
2. שטיצע פאַרשיידענע קולטורעלע אַנשטאַלטן	1.800
3. היימלאָזע-הילף	9.800
4. מעדיצינישע הילף	3.500
5. פּראָדוקטיווע הילף	3.500
6. יתומים-פאַרזאָרגונג	4.400
7. שיך און קליידער	1.200
8. הלוואות	1.700
9. אַמעריקאַנער אָנווייזונגען	160.000
10. טשעקן אויף אינקאַסאָ	3.100
11. ביכער פאַר שולן און ביבליאָטעקן	7.000
טראַנספּאָרט	210.200

הוצאה	דאָלאַרן
טראַנספּאָרט	210.200
12. אויסבויאונגס-אַקציע: הלוואות אויף אויסבויאונג פון דער געז. יק"אַ — 10.300 בריטער, גלאָז און טשוועקעס — — — — 2.100	12.400
13. הלוואות היימלאָזע פון ד. ר. ק.	1.300
14. 〃 〃 〃 לאָנדאָנער קאָמיטעט	3.800
15. עמיגראַציע-אָפּטיילונג	2.700
16. יורידישע הילף	400
17. נאַציאָנאַל-ראַט	2.000
18. פאַרשיידענע אויפטראָגן פון דעלעגאַט צ. בירוש	1.200
19. גראָדנער רעליעף	1.000
20. ווילנער רעליעף	30.838.50
21. אָרגאַניזאַציאָנעלע און פאַרשיידענע הוצאות	7.400
בסך-הכל	273.238.50

4. יאָר 1922

הוצאה	דאָלאַרן	דאָלאַרן
1. **אויסבויאונגס-אַקציע:**		
הלוואות אויף אויסבויאונג פון דער געז. יק"א	25.550	
הלוואות אויף אויסבויאונג פון ד. ד. ק.	17.850	
הלוואות אויף אויסבויאונג פון ד. ד. ק. קאָנסטרוקטיווער פאָנד	17.000	
הלוואות אויף אויסבויאונג פון לאָנדאָנער קאָמיטעט	500	
געזעלשאַפטלעכע בנינים	11.500	
פאַרשיידענע	2.250	
ברעטער	650	75.300
2. **היימלאָזע-הילף:**		
שטיצע היימלאָזע	18.100	
הלוואות היימלאָזע פון ד. ד. ק.	5.500	
הלוואות היימלאָזע פון אייגענעם פאָנד	700	
הלוואות היימלאָזע עמיגראַנטן פון ד. ד. ק	300	
מעבל פאַר היימלאָזע	2.400	
העלץ פאַר היימלאָזע	500	
שטיצע היימלאָזע פון לאָנדאָנער קאָמיטעט	500	
הלוואות היימלאָזע פון לאָנדאָנער קאָמיטעט	3.700	31.700
3. **יתומים-פאַרזאָרגונג:**		
אַדאָפּטירטע יתומים אין אינטערנאַטן און פּריוואַט	11.050	
באַקליידונג פאַר אַדאָפּטירטע יתומים	700	11.750
4. **פאַרזאָרגונג פון קינדער-רעעמיגראַנטן:**		
אינטערנאַט אין סמאָרגאָן		1.000
5. **מעדיצינישע הילף**		1.150
6. **פּראָדוקטיווע הילף**		500
7. **יורידישע הילף**		500
8. **קולטורעלע הילף**		100
9. **קולטורעלע הילף פון לאָנדאָנער קאָמיטעט**		250
10. **ביכער פאַר שולן און ביבליאָטעקן**		5.400
11. **עמיגראַציע-אָפּטיילונג**		4.350
12. **רעליעף-געלטער**		2.100
13. **אָרגאַניז. און פאַרש. הוצאות**		3.750
בסך-הכל		137.850

5. יאָר 1923

הוצאה	דאָלאַרן	דאָלאַרן
1. **אויסבויאונגס-אַקציע:**		
הלוואות אויף אויסבויאונג פון דער געז. יק"א	3.190	
הלוואות אויף אויסבויאונג פון ד. ד. ק.	1.460	
הלוואות אויף אויסבויאונג פון ד. ד. ק., קאָנסטרוקטיווער פאָנד	15.445	
געזעלשאַפטלעכע בנינים	8.645	
צוריקגעצאָלט דער געז. יק"א די אומגעקערטע הלוואות	1.128	
צוריקגעצאָלט דעם ד. ד. ק. די אומגעקערטע הלוואות	925	30.793
2. **היימלאָזע-הילף:**		
קיך פאַר היימלאָזע, תמיכה, רעגנערונג, מעדיצינישע הילף, אינטערנאַט אין סמאָרגאָן און אַנדערע פון ד. ד. ק.	12.687	
פאַרשיידענע שטיצע פון לאָנדאָנער קאָמיטעט	128	
הלוואות היימלאָזע פון לאָנדאָנער קאָמיטעט	66	
הלוואות היימלאָזע פון ד. ד. ק.	428	
הלוואות היימלאָזע פון אייגענעם פאָנד	22	
הלוואות היימלאָזע אויף מעבל פון ד. ד. ק.	58	
צוריקגעצאָלט דעם ד. ד. ק. די אומגעקערטע הלוואות	279	13.668
3. **יתומים-פאַרזאָרגונג:**		
אַדאָפּטירטע יתומים אין אינטערנאַטן און פּריוואַט	19.048	
זומער-קאָלאָניעס פאַר אַדאָפּטירטע יתומים	598	
באַקליידונג פאַר אַדאָפּטירטע יתומים	3.070	22.716
4. **פאַרזאָרגונג פון קינדער-רעעמיגראַנטן:**		
ווידז, קרעווע, אינטערנאַט אין סמאָרגאָן		2.918
5. **רעעוואַקואַציע:**		
פון ד. ד. ק.	1.563	
פון דער געז. יק"א	254	1.817
6 **יורידישע הילף**		689
7. **ביכער פאַר שולן און ביבליאָטעקן**		6.843
8. **עמיגראַציע-אָפּטיילונג**		2.012
9. **אָרגאַניז. און פאַרש. הוצאות**		1 652
בסך-הכל		83.118

6. יאָר 1924

הוצאה	זלאָטעס		זלאָטעס	
1. **אויסבויאונגס-אַקציע:**				
הלוואות אויף אויסבויאונג פון דער געז. יק"א אין זלאָטעס	—	9.375		
הלוואות אויף אויסבויאונג פון דער געז. יק"א אין דאָלאַרן (16.190)	94	84.192		
הלוואות אויף אויסבויאונג פון ד. ד. ק. קאָנסטרוקטיווער פאָנד	32	14.744		
געזעלשאַפטלעכע בנינים	29	2.532		
צוריקגעצאָלט דער געז. יק"א די אומגעקערטע הלוואות אין זלאָטעס (1.931.15 + 5.334)	15	7.265		
צוריקגעצאָלט דעם ד. ד. ק. די אומגעקערטע הלוואות פון היימלאָזע	11	1.008	81	119.117
2. **היימלאָזע-הילף**			72	27.782
3. **יתומים-פאַרזאָרגונג:**				
אַדאָפּטירטע יתומים אין אינטערנאַטן און פּריוואַט	98	121.608		
זומער- און היילן-קאָלאָניעס פאַר אַדאָפּטירטע יתומים	58	10.659		
באַקליידונג פאַר אַדאָפּטירטע יתומים	75	12.656	31	144.925
טראַנספּאָרט			84	291.825

הוצאה	זלאָטעס		זלאָטעס	
טראַנספּאָרט			84	291.825
4. **פאַרזאָרגונג פון קינדער-רעעמיגראַנטן:**				
ווידז, אינטערנאַט אין סמאָרגאָן			08	10.930
5. **יורידישע הילף**			87	6.343
6. **ביכער פאַר שולן און ביבליאָטעקן**			88	6.186
7. **עמיגראַציע-אָפּטיילונג**			90	18.971
8. **אָרגאַניזאַציאָנעלע און פאַרשיידענע הוצאות, דרוק-זאַכן און אויסגאַבן, קאָנפערענץ**			14	46.365
בסך-הכל			71	380.623

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

7. קאַסע-באַריכט פאַרן יאָר 1925

הכנסה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1925 .			7.886	34
יתומים-אַקציע:				
פון יתומים-פאַרבאַנד אין ווארשע:				
1. מאָנאַטלעכע סובווענצן	93.788	64		
2. ליקווידאַציע-געלטער	36.775	29		
3. זומער-קאָלאָניעס	4.744	46		
4. קליידונג	12.420	78		
פון פאַרשיידענע שטעטלעך				
„יתומים-וואָך“ און אנד.	7.165	41	154.894	58
רעטונגס-אַקציע:				
סובווענצן פון ד. ה. ק.			20.420	96
הילפס-פאָנד פאַר נשרפים:				
פון פאַרשיידענע שטעטלעך . . .			1.304	70
אויפבויאונגס-אַקציע:				
דערהאַלטן אויף אויפבוי				
פון יק"אַ . 7.508.90				
באַקומען צוריקגעצאָלט				
פון די בונים . 20.687.57			28.196	47
פאַרשיידענע הכנסות			25.172	25
איבערגאַנגס-סומען			14.041	90
בסך-הכל			251.917	20

הוצאה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
יתומים-אַקציע:				
1. אַלגעמיינע שטיצע (יתומים-הייזער, יתומים-קאָמיטעטן, אינדיווידועלע און מעדיצינישע הילף)	76.301	99		
2. פאַך-אויסבילדונג (אויסהאַלטונג, דירה און שכר-לימוד) . . .	59.293	92		
3. זומער-קאָלאָניעס	4.744	46		
4. קליידונג	12.420	78		
5. איבערגעשיקט דעם יתומים-פאַרבאַנד פון דער „יתומים-וואָך“ . .	2.409	75	155.170	90
רעטונגס-אַקציע:				
אַלגעמיינע שטיצע			5.910	10
הילפס-פאָנד פאַר נשרפים . .			1.257	85
אויפבויאונגס-אַקציע:				
אַרויסגעגעבן נייע הלוואות				
פאַר בונים . 22.340.94				
אומגעקערט יק"אַ . . . 8.655.43			30.996	37
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות,				
דרוקזאַכן א. א. .			37.860	59
סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1926 . .			20.721	39
בסך-הכל			251.917	20

8. קאַסע-באַריכט פאַרן יאָר 1926

הכנסה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1926 . .			20.721	39
יתומים-אַקציע:				
פון יתומים-פאַרבאַנד אין ווארשע:				
1. מאָנאַטלעכע סובווענצן	335.056	22		
2. זומער-קאָלאָניעס	7.690	—		
3. קליידונג	20.609	10		
פון פאַרשיידענע שטעטלעך:				
„יתומים-וואָך“ און אַנדערע . . .	4.302	71	367.658	03
רעטונגס-אַקציע:				
סובווענצן פון ד. ה. ק.			287.532	68
אויפבויאונגס-אַקציע:				
באַקומען צוריקגעצאָלט פון די בונים .			18.342	68
פאַרשיידענע הכנסות			17.986	74
איבערגאַנגס-סומען			15.613	69
בסך-הכל			727.855	41

הוצאה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
יתומים-אַקציע:				
1. אַלגעמיינע שטיצע (יתומים-הייזער, יתומים-קאָמיטעטן, אינדיווידועלע און מעדיצינישע הילף)	243.068	16		
2. פאַך-אויסבילדונג (אויסהאַלטונג, דירה און שכר-לימוד)	88.887	59		
3. זומער-קאָלאָניעס	7.690	—		
4. קליידונג	19.311	81		
5. איבערגעשיקט דעם יתומים-פאַרבאַנד פון דער „יתומים-וואָך“ . .	1.331	46	360.289	02
רעטונגס-אַקציע:				
1. שטיצע אויף פסח	8.580	33		
2. גמילות-חסדים-קאַסעס	137.500	—		
3. קינדער-באַשפּייזונג	16.343	05		
4. אינסטיטוציעס	75.588	91		
5. רעמאָנטן און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן	18.340	—		
6. אַלגעמיינע שטיצע	46.465	70	302.817	99
אויפבויאונגס-אַקציע:				
אַרויסגעגעבן נייע הלוואות				
פאַר בונים . 8.517.68				
אומגעקערט יק"אַ . . . 11.319.39			19.837	07
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות . .			36.674	15
סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1927 . .			8.237	18
בסך-הכל			727.855	41

9. קאַסע־באַריכט פֿאַר דער צייט פֿון 1־טן יאַנואַר 1927 ביז 1־טן אַפּריל 1928

הכנסה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
סאַלדאָ צום 1־טן יאַנואַר 1927 .			8.237	18
יתומים־אַקציע:				
פֿון יתומים־פֿאַרבאַנד אין וואַרשע:				
1. מאָנאַטלעכע סובווענצן . . .	307.072	48		
2. זומער־קאָלאָניעס	7.350	75		
3. באַקליידונג	3.900	—		
פֿון סווענציאַנער פּראָוויזאַציאָן סיימיק	1.500	—		
פֿון פֿאַרשיידענע שטעטלעך:				
„יתומים־וואָך“ . . . 4.691,83				
רעזערווירטע 15.278,75	19.970	58	339.793	81
רעטונגס־אַקציע:				
סובווענצן פֿון ד. ה. ק.	103.304	25		
צוריקגעקומענע הלוואות	4.988	10	108.292	35
אויפֿבויאונגס־אַקציע:				
באַקומען צוריקגעצאָלט פֿון די בונים .			18.663	73
פֿאַרשיידענע הכנסות:				
סובווענצן פֿון ד. ה. ק.	25.247	—		
" " יק"אַ	3.094	44		
מיטגלידס־אָפּצאָל	1.225	—		
אַנדערע	12.032	83	41.599	27
בסך־הכּל			516.586	34

הוצאה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
יתומים־אַקציע:				
1. אַלגעמיינע שטיצע (יתומים־היימער, יתומים־קאָמיטעטן, אינדיווידועלע און מעדיצינישע הילף)	187.472	05		
2. פֿאַך־אויסבילדונג (אויסהאַלטונג, דירה און שכר־לימוד) . . .	98.711	34		
3. זומער־קאָלאָניעס	7.350	75		
4. באַקליידונג	5.686	29		
5. איבערגעשיקט דעם יתומים־פֿאַרבאַנד פֿון דער „יתומים־וואָך“ . .	2.128	10	301.348	53
רעטונגס־אַקציע:				
1. גמילות־חסדים־קאַסעס	53.500	—		
2. קינדער־באַשפּייזונג	11.377	91		
3. אַלגעמיינע שטיצע	10.487	45		
4. אינסטיטוציעס	9.319	29		
5. בוכהאַלטערישע ביכער פֿאַר גמילות־חסדים־קאַסעס און אַנדערע . .	4.389	90	89.074	55
אויפֿבויאונגס־אַקציע:				
אימנעקערס יק"אַ			23.255	13
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות . .			55.305	40
איבערגאַנגס־סומען			8.207	01
סאַלדאָ צום 1־טן אַפּריל 1928 . .			39.395	72
בסך־הכּל			516.586	34

10. קאַסע־באַריכט פֿאַרן יאָר 1928/9 (פֿון 1/IV 1928 ביז 31/III 1929)

הכנסה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
סאַלדאָ צום 1־טן אַפּריל 1928 . .			39.395	72
יתומים־אַקציע:				
פֿון יתומים־פֿאַרבאַנד אין וואַרשע:				
1. מאָנאַטלעכע סובווענצן . . .	143.872	24		
2. זומער־קאָלאָניעס	3.600	—		
פֿון סווענציאַנער פּראָוויזאַציאָן סיימיק .	750	—		
פֿון פֿאַרשיידענע שטעטלעך:				
„יתומים־וואָך“, פּאַנסיאָן־לאָטעריי א. אַ. .	6.233	99	154.456	23
רעטונגס־אַקציע:				
סובווענצן פֿון ד. ה. ק.			105.312	50
אויפֿבויאונגס־אַקציע:				
באַקומען צוריקגעצאָלט פֿון די בונים .			9.952	58
פֿאַרשיידענע הכנסות:				
סובווענצן פֿון ד. ה. ק.	13.596	60		
" " יק"אַ	6.217	50		
אַנדערע	5.270	82	25.084	92
איבערגאַנגס־סומען			9.735	11
בסך־הכּל			343.937	06

הוצאה

	זלאָטעס		זלאָטעס	
יתומים־אַקציע:				
1. אַלגעמיינע שטיצע (יתומים־היימער, יתומים־קאָמיטעטן, אינדיווידועלע און מעדיצינישע הילף) . . .	89.412	13		
2. פֿאַך־אויסבילדונג (אויסהאַלטונג, דירה און שכר־לימוד) . . .	38.724	45		
3. זומער־קאָלאָניעס	3.600	—		
4. איבערגעשיקט דעם יתומים־פֿאַרבאַנד פֿון דער „יתומים־וואָך“ . .	1.382	17	133.118	75
רעטונגס־אַקציע:				
1. גמילות־חסדים־קאַסעס	24.800	—		
2. קינדער־באַשפּייזונג	23.250	75		
3. אַלגעמיינע שטיצע	23.961	70		
4. בוכהאַלטערישע־ביכער פֿאַר גמילות־חסדים־קאַסעס און אַנדערע . .	5.177	20	77.189	65
אויפֿבויאונגס־אַקציע:				
אימנעקערס יק"אַ			9.952	58
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות, דרוקזאַכן			41.067	20
סאַלדאָ צום 1־טן אַפּריל 1929 . .			82.608	88
בסך־הכּל			343.937	06

11. קאַסע-באַריכט פאַרן יאָר 1929/30 (פון 1/IV 1929 ביז 31/III 1930)

הכנסה

		זלאָטעס		זלאָטעס
סאַלדאָ צום 1-טן אַפּריל 1929			88	82.608
יתומים-אַקציע:				
פון יתומים-פאַרבאַנד אין ווארשע:				
1. מאָנאַטלעכע סובווענצן	34	55.539		
2. זומער-קאָלאָניעס	—	2.400		
פון פאַרשיידענע שטעטלעך:				
„יתומים-וואָך“ און אַנדערע	33	3.457	67	61.396
רעטונגס-אַקציע:				
סובווענצן פון ד. ה. ק.			40	123.120
אויפבויאונגס-אַקציע:				
באַקומען צוריקגעצאָלטס פון די בונים			33	7.687
פאַרשיידענע הכנסות:				
סובווענצן פון ד. ה. ק.	95	5.580		
יק"אַ	—	6.438		
מיטגלידס-אָפּצאָל	—	2.961		
אַנדערע	55	9.011	50	23.991
בסך-הכל			78	298.804

הוצאה

		זלאָטעס		זלאָטעס
יתומים-אַקציע:				
1. אַלגעמיינע שטיצע (יתומים-הייזער, יתומים-קאָמיטעטן, אינדיווידועלע און מעדיצינישע הילף)	35	14.386		
2. פאַך-אויסבילדונג (אויסהאַלטונג, דירה און שכר-לימוד)	93	27.868		
3. זומער-קאָלאָניעס	30	2.814	58	45.069
רעטונגס-אַקציע:				
1. גמילות-חסדים-קאַסעס	—	61.135		
2. קינדער-באַשפּייזונג	45	50.709		
3. אַלגעמיינע שטיצע	76	5.861		
4. אומגעקערט דעם ד. ה. ק.	—	1.668	21	119.374
אויפבויאַנגס-אַקציע:				
אומגעקערט יק"אַ			33	7.687
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות,				
דרוקזאַכן			55	33.916
איבערגאַנגס-סומען			68	7.645
סאַלדאָ צום 1-טן אַפּריל 1930			43	85.111
בסך-הכל			78	298.804

באַמערקונגען.

1. אין די פינאַנסיעלע באַריכטן גייען אַריין נאָר די סומעס פון דער צענטראַלע, ד. ה. פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע, אָבער נ י ט פון זיינע אָרטיקע קאָמיטעטן, אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס, קאָמיסיעס און פאַרטרעטער.

2. דער ביכערלאַגער און די עמיגראַציע-אָפּטיילונג, וואָס זיינען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַזונדערע געזעלשאַפטן ביי „יעקאָפּאָ“, זיינען אויך בוכהאַלטעריש אויסגעטיילט געוואָרן — דער ערשטער אין יאָר 1925 און די צווייטע אין יאָר 1926 — און זייערע פינאַנסיעלע באַריכטן ווערן דאָ געבראַכט ווייטער, באַזונדער.

3. די הוצאות פון דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג אין יאָר 1920 גייען אַריין אין דער רובריק היימלאָזע-הילף (באַריכט נומ׳ 2) און אין יאָר 1925 — אין די אַדמיניסטראַטיווע הוצאות פון קאַסע-באַריכט נומ׳ 7 פון „יעקאָפּאָ“ פאַרן זעלבן יאָר.

4. אין דער רובריק סאָציאַלע שטייערן גייען אַריין די באַטרעפנדע טיילן פון די אָפּצאָלונגען פאַר דער קראַנקן-קאַסע, „זופּ“ (פאַרזיכערונג פון גייסטיקע אַרבעטער) און הכנסה-שטייער פון די אָנגעשטעלטע.

5. פון יאָר 1928 איז לויט דער פאַראָרדענונג פון פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק דער בודזשעט-יאָר פאַר וואוילטעטיקע געזעלשאַפטן פעסטגעשטעלט געוואָרן ניט פון 1-טן יאַנואַר, נאָר פון 1-טן אַפּריל ביז 1-טן אַפּריל און אַזוי דאַרף מען יעדן יאָר שליסן די בוכהאַלטערישע ביכער פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן. צוליב דעם זיינען די באַריכטן נומ׳ 9, 10 און 11 פון „יעקאָפּאָ“ און נומ׳ 4 פון דער עמיגראַציע-אָפּטיילונג (פאַר די עמיגראַציע-געזעלשאַפטן איז די אויספירונג פון דער פאַראָרדענונג געקומען שפּעטער) געבראַכט אין די אָנגערופענע באַטרעפנדע טערמינען.

6. אין די איבערגאַנגס-סומעס פון די עמיגראַציע-באַריכטן גייען אַריין פאַרשיידענע געלטער און עד-לחשבון-סומעס פון עמיגראַנטן, וואַרשעווער „יעאַס“ און „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע. די גרויסע איבערגאַנגס-סומעס אין יאָר 1930 דערקלערן זיך דערמיט, וואָס אין די ערשטע חדשים פון דעם יאָר איז איינגעלייגט געוואָרן דורך די עמיגראַנטן אויף אַ געוויסע צייט ווייזע-געלט אויף דרום-אַפריקע אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע גרויסע טראַנספּאָרטן ערב שליסן דאָס לאַנד.

7. די עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעקאָפּאָ“ ווערט פון יאָר 1925 אומעטום געמיינט אַלס ווילנער אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער יידישער עמיגראַציע-געזעלשאַפט „יעאַס“ אין פּוילן (וואַרשע) פאַראייניקט מיט יק"אַ — היאַס — עמיגדירעקט („היקעם“ אין פּאַריז).

8. דער ביכערלאַגער פון „יעקאָפּאָ“ ווערט פון יאָר 1925 אומעטום געמיינט אַלס ביכערלאַגער און פאַרלאַג „ייקאָפּאָ“, קאָאָפּעראַטיוו מיט באַגרענעצטער אחריות. דערביי ניט „יעקאָפּאָ“ (Ekopo), נאָר „ייקאָפּאָ“ (Ikopo).

רעד.

קאַסע-באַריכטן פון ווילנער „יעאַס"

(יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפט; ווילנער אָפּטיילונג ביי „יעקאָפּאָ").

1. יאָר 1926

הכנסה

	זלאָטעס	
1. פון „יעאַס" וואַרשע	30	5.992
2. אָפּצאָל פון עמיגראַנטן	70	1.611
3. פאַרשיידענע הכנסות	05	733
4. איינצאָלונגען פון עמיגראַנטן אויף שיפס-קאַרטעס און וויזעס	34	8.758
5. איבערגאַנגס-סומען	26	6.942
בסך-הכל	65	24.037

הוצאה

	זלאָטעס	
1. שכירות	02	9.047
2. סאָציאַלע שטייערן	60	698
3. דירה-געלט, באַהייצונג, באַלייכטונג און לאָקאַל-שטייער	79	1.539
4. אַלגעמיינע הוצאות	03	859
5. פּאָסט און טעלעגראַף	94	213
6. שרייב-מאַטעריאַלן	80	135
7. שיפסקאַרטעס און וויזעס	31	7.644
8. איבערגאַנגס-סומען	—	900
9. רעשט-הוצאות פון די פריערדיקע יאָרן	03	2.079
10. סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1927	13	920
בסך-הכל	65	24.037

2. יאָר 1927

הכנסה

	זלאָטעס	
1. סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1927	13	920
2. פון „יעאַס" וואַרשע	—	13.076
3. פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" ווילנע	—	200
4. אָפּצאָל פון עמיגראַנטן	65	3.478
5. אומגעקערטע הוצאות	96	421
6. איינצאָלונגען פון עמיגראַנטן אויף שיפס-קאַרטעס און וויזעס	28	36.170
7. איבערגאַנגס-סומען	08	4.692
בסך-הכל	10	58.962

הוצאה

	זלאָטעס	
1. שכירות	25	10.842
2. סאָציאַלע שטייערן	20	854
3. דירה-געלט, באַהייצונג און באַלייכטונג, לאָקאַל-שטייער	66	2.372
4. אַלגעמיינע הוצאות	36	1.487
5. פּאָסט, טעלעגראַף	59	946
6. שרייב-מאַטעריאַלן	—	551
7. שפּראַך-קורסן פאַר עמיגראַנטן	40	177
8. שיפסקאַרטעס און וויזעס	95	35.226
9. איבערגאַנגס-סומען	—	3.350
10. סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1928	69	3.153
בסך-הכל	10	58.962

3. יאר 1928

הכנסה

		זלאטעס	
1.	סאלדא צום 1-טן יאנואר 1928	69	3.153
2.	פון „יעאס" ווארשע	25	12.933
3.	פון ווילנער מאגיסטראט	—	200
4.	פון געגנט-קאמיטעט „יעקאפא" ווילנע	—	3.115
5.	אפצאל פון עמיגראנטן	86	2.354
6.	פארשיידענע הכנסות און אומגעקערטע הוצאות	05	756
7.	פון „יעאס", ווארשע, אויף שפראך-קורסן	60	1.333
8.	איינצאלונגען פון עמיגראנטן: א) אויף שיפסקארטעס 66.979.73 ב) אויף וויזעס 7.575.37	10	74.555
9.	איבערגאנגס-סומען	56	29.450
	בסך-הכל	11	127.852

הוצאה

		זלאטעס	
1.	שכירות	50	12.121
2.	סאציאלע שטייערן	15	2.026
3.	דירה-געלט, באהייצונג און באלייכטונג	23	1.912
4.	אלגעמיינע הוצאות	64	864
5.	פאסט, טעלעגראף	93	1.219
6.	שרייב-מאטעריאלן	60	225
7.	שפראך-קורסן פאר עמיגראנטן	60	1.145
8.	שיפסקארטעס און וויזעס: א) שיפסקארטעס 65.871.93 ב) וויזעס 7.265.84	77	73.137
9.	איבערגאנגס-סומען	52	31.962
10.	סאלדא צו 1-טן יאנואר 1929	12	3.236
	בסך-הכל	11	127.852

4. פון 1-טן יאנואר 1929 ביז 1-טן אפריל 1930 (15 חדשים)

הכנסה

		זלאטעס	
1.	סאלדא צום 1-טן יאנואר 1929	12	3.235
2.	פון „יעאס", ווארשע	—	23.010
3.	פון ווילנער מאגיסטראט	—	500
4.	אפצאל פון עמיגראנטן	80	4.587
5.	פארשיידענע הכנסות און אומגעקערטע הוצאות	34	1.469
6.	פון „יעאס", ווארשע, אויף שפראך-קורסן	75	1.121
7.	„ „ „ „ לאנדווירטשאפטלעכע צוגרייטונג	35	915
8.	איינצאלונגען פון עמיגראנטן: א) אויף שיפסקארטעס 234.324.28 ב) אויף וויזעס 12.246.27	55	246.570
9.	איבערגאנגס-סומען	67	93.238
	בסך-הכל	58	374.649

הוצאה

		זלאטעס	
1.	שכירות	—	17.646
2.	סאציאלע שטייערן	29	2.888
3.	דירה-געלט, באהייצונג און באלייכטונג	56	2.865
4.	אלגעמיינע הוצאות	52	964
5.	פאסט, טעלעגראף, טעלעפאן	13	2.404
6.	שרייב-מאטעריאלן	60	770
7.	שפראך-קורסן פאר עמיגראנטן	35	1.400
8.	לאנדווירטשאפטלעכע צוגרייטונג פון עמיגראנטן	95	1.029
9.	שיפסקארטעס און וויזעס: א) שיפסקארטעס 224.240.49 ב) וויזעס 9.463.93	42	233.704
10.	איבערגאנגס-סומען	20	78.401
11.	סאלדא צום 1-טן אפריל 1930	56	32.574
	בסך-הכל	58	374.649

אומזאַץ-באַלאַנסן פון ביכערלאַגער „ייקאָפּאָ״ אין ווילנע.

1. יאָר 1925

קאָנטע	אומזאַץ				סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1926			
	דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט	
		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס
קאַסע	93	27.628	75	26.949	18	679	—	—
וועקסלען	30	4.631	30	4.361	—	270	—	—
לויפנדע רעכענונגען	79	10.646	40	10.320	39	326	—	—
סחורה	17	85.225	37	34.116	80	51.108	—	—
נאָכנאָמעס	75	2.839	35	2.678	40	161	—	—
דעביטאָרן	35	32.119	04	31.723	46	933	15	537
קרעדיטאָרן	06	20.467	85	22.078	16	1.103	95	2.714
פּאַיען	—	—	—	342	—	—	—	342
געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״	91	3.223	68	53.928	—	—	77	50.704
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות	94	13.060	94	13.060	—	—	—	—
ריווח און היזק	72	13.034	72	13.034	—	—	—	—
קאַפּיטאַל	—	—	52	283	—	—	52	283
בסך-הכל	92	212.877	92	212.877	39	54.582	39	54.582

2. יאָר 1926

קאָנטע	סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1926				אומזאַץ				סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1927			
	דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט	
		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס
קאַסע	18	679	—	—	44	31.992	44	31.727	18	944	—	—
וועקסלען	—	270	—	—	36	2.824	66	2.119	70	974	—	—
לויפנדע רעכענונגען	39	326	—	—	64	6.898	69	7.367	63	157	29	300
סחורה	80	51.108	—	—	10	41.288	76	38.617	14	53.779	—	—
נאָכנאָמעס	40	161	—	—	25	4.746	90	4.818	75	88	—	—
דעביטאָרן	46	933	15	537	95	36.123	12	34.926	04	2.258	50	663
קרעדיטאָרן	16	1.103	95	2.714	02	22.269	52	26.641	89	146	18	6.131
איבערגאַנגס-סומען	—	—	—	—	—	700	—	700	—	—	—	—
פּאַיען	—	—	—	342	—	—	—	233	—	—	—	575
געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״	—	—	77	50.704	—	770	—	—	—	—	77	49.934
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות	—	—	—	—	04	15.374	04	15.374	—	—	—	—
ריוח און היזק	—	—	—	—	97	14.424	64	14.885	—	—	67	460
קאַפּיטאַל	—	—	52	283	—	—	—	—	—	—	52	283
בסך-הכל	39	54.582	39	54.582	77	177.411	77	177.411	33	58.349	33	58.349

3. יאָר 1927

קאָנטע		סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1927				אומזאַץ				סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1928		
		דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט
		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס
קאַסע	18	944	—	—	14	31.621	82	31.798	50	766	—	—
וועקסלען	70	974	—	—	02	8.772	72	9.209	15	621	15	84
לויפנדע רעכענונגען	63	157	29	300	95	12.229	75	11.477	83	763	29	154
סחורה	14	53.779	—	—	88	35.351	73	38.087	29	51.043	—	—
נאָכנאָמעס	75	88	—	—	90	3.997	25	4.035	40	51	—	—
דעביטאָרן	04	2.258	90	663	38	35.319	63	34.343	69	2 884	80	314
קרעדיטאָרן	89	146	18	6.131	16	22.879	77	20 545	33	913	23	4.564
איבערגאַנגס-סומעס	—	—	—	—	25	383	25	783	—	—	—	400
פּאַיען	—	—	—	575	—	—	—	—	—	—	—	575
גענגט-קאַמיטעט „יעקאַפּאַ״	—	—	77	49.934	—	—	—	—	—	—	77	49.934
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות	—	—	—	—	61	16 037	61	16.037	—	—	—	—
ריווח און היזק	—	—	67	460	80	15.452	89	15.264	—	—	76	272
קאַפּיטאַל	—	—	52	283	—	—	67	460	—	—	19	744
בסך-הכּל	33	58.349	33	58.349	09	182.045	09	182.045	19	57.044	19	57.044

4. יאָר 1928

קאָנטע		סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1928				אומזאַץ				סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1929		
		דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט
		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס
קאַסע	5	766	—	—	32	26.202	50	26.356	32	612	—	—
וועקסלען	15	621	15	84	20	8.538	43	9.185	90	973	15	1.084
לויפנדע רעכענונגען	83	763	29	154	25	15.116	40	15.304	39	421	—	—
סחורה	29	51.043	—	—	79	25.574	05	29.546	03	47.072	—	—
נאָכנאָמעס	40	51	—	—	55	2.268	95	2.319	—	—	—	—
דעביטאָרן	69	2.884	80	314	44	25.818	08	22.907	61	5.634	36	153
קרעדיטאָרן	33	913	23	4.564	24	13.840	46	11.792	88	353	—	1.957
איבערגאַנגס-סומעס	—	—	—	400	35	1.458	85	2.100	—	—	50	1.042
פּאַיען	—	—	—	575	—	—	—	—	—	—	—	575
גענגט-קאַמיטעט „יעקאַפּאַ״	—	—	77	49.934	—	—	—	—	—	—	77	49.934
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות	—	—	—	—	63	16.451	63	16.451	—	—	—	—
ריווח און היזק	—	—	76	272	24	14.670	88	13.701	61	695	—	—
קאַפּיטאַל	—	—	19	744	—	—	76	272	—	—	95	1.016
בסך-הכּל	19	57.044	19	57.044	01	149.939	01	149.939	73	55.763	73	55.763

5. יאָר 1929

קאָנטע	סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1929				אומזאַץ				סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1920			
	דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט	
	זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס	
קאַסע	32	612	—	—	02	15.737	15	15.661	19	688	—	—
וועקסלען	90	973	15	1.084	37	4.922	67	4.590	60	345	15	124
לויפנדע רעכענונגען	39	421	—	—	04	3.229	68	3.286	75	365	—	—
סחורה	03	47.072	—	—	13	14.477	28	14.707	88	48.841	—	—
נאָכנאַמעס	—	—	—	—	30	165	30	165	—	—	—	—
דעביטאָרן	61	5.634	26	153	52	13.039	14	14.061	48	4.542	85	82
קרעדיטאָרן	88	353	—	1.957	70	7.972	20	6.434	91	822	53	887
איבערגאַנגס-סומעס	—	—	50	1.042	25	1.917	—	2.765	—	—	25	1.890
פּאַיען	—	—	—	575	--	—	—	—	—	—	—	575
געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“	—	—	77	49.934	—	—	—	—	—	—	77	49.934
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות	—	—	—	—	28	8.542	28	8.452	4	90	—	—
ריוח און היזק	60	695	—	—	29	8.298	80	8.872	09	121	—	—
קאַפּיטאַל	—	—	95	1.016	60	695	—	—	—	—	35	321
בסך-הכל	73	55.763	73	55.763	50	78.996	50	78.996	90	53.815	90	53.815

6. יאָר 1930

קאָנטע	סאַלדאָ צום 1-טן יאַנואַר 1930				אומזאַץ			
	דעבעט		קרעדיט		דעבעט		קרעדיט	
	זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס		זלאָטעס	
קאַסע	19	688	—	—	44	11.026	63	11.714
וועקסלען	60	345	15	124	95	3.111	40	3.333
לויפנדע רעכענונגען	75	363	—	—	01	1.308	76	1.671
פּאַיען אין יידישער צענטראַלער קאַסע. פאָלקסבאַנק אין ווילנע	—	—	—	—	—	50	—	50
סחורה	89	46.841	—	—	06	5.566	94	52.407
נאָכנאַמעס	—	—	—	—	55	139	55	139
דעביטאָרן	48	4.542	85	82	91	13.709	54	18.169
קרעדיטאָרן	91	822	53	887	20	7.741	58	7.676
איבערגאַנגס-סומעס	—	—	25	1.890	47	3.139	22	1.249
פּאַיען	—	—	—	575	—	575	—	—
געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“	—	—	77	49.934	77	49.934	—	—
אַדמיניסטראַטיווע הוצאות	—	90	—	—	31	5.918	31	6.008
ריוח און היזק	09	121	—	—	22	41.814	31	41.935
קאַפּיטאַל	—	—	35	321	35	321	—	—
בסך-הכל	90	53.815	90	53.815	24	144.356	24	144.356

באַמערקונגען:

1. אין דער סומע 49.934.77 זל. זיינען אריין דער ווערט פון ביכערלאַגער (וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“) אָפּגעשאַצט אין 8.000 זל. און די געשיינקטע דורך „יעקאָפּאָ“ דעם קאָאָפּעראַטיוו „יקאָפּאָ“ דעם רעשט פון חוב אין דער גרויס פון 41.038.96 זל. דערמיט איז דער קאָאָפּעראַטיוו „יקאָפּאָ“ ליקווידירט געוואָרן.

2. פון אָקטאָבער 1928 האָט דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אויסגעהאַלטן דעם ביכערלאַגער „יקאָפּאָ“ אויך מיט אומזיסטער דירה, באַהייצונג און באַלייכטונג.

3. צו דער באַמערקונג אויף ז. 1053—1051 דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז דער קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ האָט געשטיצט די ווילנער עמיגראַציע-אָפּטיילונג פון „יעפּס“ מיטן גאַנצן אינווענטאַר (די אָפּטיילונג האָט קיין אייגענעם אינווענטאַר ניט געהאַט, ניט רעכענענדיק דערביי ניט קיין ניץ-געלט און ניט קיין הוצאות אויף אַמאָרטיזאַציע.

אין משך פון דער צייט

(גלגולים. דער מצב צום יאָר 1931).

אין לייט אַרטיקל „די צייט, די מענטשן און די אַרבעט״ זיינען שוין כאַראַקטעריזירט געוואָרן די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דער אַרבעט, די צייט און די באַדינגונגען, ביי וועלכע ס׳איז איר אויסגעקומען צו פירן און די מענטשן, וועלכע האָבן איר געפירט און פאַר וועלכע מען האָט איר געפירט. אין די איבעריקע אַרטיקלען פון פנקס איז די אַרבעט גענוי געשילדערט געוואָרן אין אירע איינצלנע פאָרמען און פרטים. אין משך פון דער צייט האָט זי דורכגעמאַכט פאַרשיידענע אַנטוויקלונגס-פאַזן און גלגולים.

די דאָזיקע אַרבעט, ווי ס׳איז צו זען פון די פריערדיקע אַרטיקלען, איז אַפילו ווייט אַריבער די גרעניצן פון ווילנער געגנט. זי האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַלע נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנער געגנט, האָט אָבער גלייכצייטיק געהאַט אַן אָפּקלאַנג און אַ ווירקונג אויף דער טעטיקייט אין אַנדערע טיילן פון פוילן און אויך אויף די יידישע אַלפוילישע און אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע „יעקאָפּאַ״ און זיינע טוער זיינען געווען פאַרבונדן, באַענט מיטגעאַרבעט און פאַרטרעטן אין פאַרשיידענע זייערע אַלגעמיינע קאָמיטעטן און ראַטן.

אין ווילנער געגנט זיינען געשאַפן געוואָרן די פאָרמען פון פּראָדוקטיווער הילף אַ סך פריער, ווי אַנדערשוואו און פון דאַנען זיינען אויך איבערגענומען געוואָרן פיל מעטאָדן און סיסטעמען פון דער אַרבעט.

שוין אין די יאָרן 1920—1919 איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָפּעראַטיווע נעץ. אין יאָר 1921 — שוין אַפילו די קאָאָפּעראַטיווע צענטראַלע. אַלע ערשטע ליי- און שפּאָר-קאַסעס, פאָלקסבאַנק און קאָאָפּעראַטיוון זיינען געגרינדעט געוואָרן פון „יעקאָפּאַ״. פון דעם באַריכט, וואָס ברוך כהן גרייט צו וועגן דער צעניאָריקער טעטיקייט פון דער צענטראַלער יידישער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק אין ווילנע (איר צעניאָריקער יובילייַ פאַלט אויס דעם 14 יולי 1931), איז צו זען, אַז דער ערשטער באַלאַנס פון דער צענטראַלער באַנק אויפן 15-טן יולי 1921 אין דער גרויס פון 635.144 פוילישע מאַרק איז באַשטאַנען כמעט אינגאַנצן פון „יעקאָפּאַ״-מיטלען (אויף אָרגאַניזאַציע און אינווענטאַר), דער רעשט — פון די פּאַיען פון „יעקאָפּאַ״-טוער, וועלכע זיינען אויך געווען די גרינדער פון באַנק, און פון 19 פאָלקסבאַנק, וואָס „יעקאָפּאַ״ האָט געהאַט נאָך פריער געגרינדעט. די גרינדער זיינען געווען נ. קאָוואַרסקי, מ. שאַליט, מ. יעווזעראָוו, א. קליאַנסקי, ל. זאַקהיים, א. לאַנגבאַרט, הרב ש. פריד, מ. א. אימיאַניטאָוו. די פאָלקסבאַנק זיינען געווען פון פּאָדבראָדז, אָשמענע, סווענציאַן, אָלקעניק, אָלשאַן, איוויע, ליפּנישאָק, זשעלודאָק, קורעניץ, וואָלאָזשין, דעווענישאָק, בעליצע, לעבעדעווע, איישישאָק, וואָראָנאָווע, האָראָדאָק, סוויר, ראַדון (און דער קאָאָפּעראַטיוו „טרוזשעניק״ אין ווילנע). די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז פאַר די צען יאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן און אין די ערשטע יאָרן האָט די ווילנער געגנט געגעבן ביישפּילן פאַר גאַנץ פוילן.

די אויפבויאונג פון די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער און בנינים האָט אויך די ערשטע אָנגעהויבן „יעקאָפּאַ״ אין ווילנער געגנט און איז שפּעטער איבערגעטראָגן געוואָרן דורך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און די איבעריקע באַטרעפנדע טיילן פון פוילן און אַנדערע לענדער. אין יאָר 1931—1930 האָט „יעקאָפּאַ״ לויט אַן אָפּמאַך מיט יק״אַ אַנטגילטיק ליקווידירט די אַרבעט און האָט איבערגעגעבן יק״אַ דעם רעשט דאָקומענטן, היפּאָטעק-התחייבותן און די אינקאַסאָ-ענינים.

די פאַרזאָרגונג פון קינדער, די ערשטע צייטן דורכאויס מלחמה-יתומים, האָט „יעקאָפּאַ״ גלייך פון אָנהייב, אויך די ערשטע, געפירט אין זין פון צוגרייטן זיי אין אַ פאַך, אויסלערנען זיי מלאכה, צופּאַסן צו אַ פּראָדוקטיוון און ווירדיקן לעבן. אויף דעם געביט האָט „יעקאָפּאַ״ איינגעאָרדנט פּראָפּאָרציאָנעל די גרעסטע צאָל קינדער און איז דאָ געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט. ביסלעכווייז איז די אַרבעט אין די לעצטע יאָרן פאַרקלענערט געוואָרן. צום יאָר 1931 איז זי געבליבן שטיין אָן אַ וועלכן ניט איז געזיכערטן ביודזשעט. דאָך איז זי ווייטער געפירט געוואָרן, הגם מיט זייער גרויסע שוועריקייטן. אויך די פּלענאַרע זיצונג פון יתומים-פאַרבאַנד אין וואַרשע דעם 2—1 פעברואַר 1931 האָט ניט אַריינגעטראָגן קיין בעסערע ביודזשעט-מעגלעכקייטן פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט בכלל און די איינצלנע צענטראַלעס זיינען כמעט ווי איבערגעלאָזן געוואָרן אויף זייער אייגענעם גורל. דער ד. ד. ק. האָט באַשטימט בלויז אייניקע סומעס אויף אינוועסטיציע-צוועקן און אַ גאָר קליינע סובסידיע אויף עטלעכע חדשים.

שטאַרק אַנטוויקלט האָט זיך די טעטיקייט פון די גמילות-חסדים-קאַסעס. ווי אַלע געביטן פון דער אַרבעט, האָט אויך זי צום יאָר 1931 ניט געהאַט קיינע שום נייע מיטלען. זי איז אָבער שוין געווען מער ווייניק באַפעסטיקט פון פריער און האָט זיך אַליין געקענט מער-ווייניק אויסהאַלטן אויף די פּרינציפּן פון זעלבסטטעטיקייט און אָרטיקער זעלבסטהילף. אָן אַ צופלוס, אָבער, פון גרעסערע פרישע מיטלען, וואָס זיינען געווען אַממערסטן נויטיק גראָד אין דעם ביטערן קריזיס-יאָר 1931—1930, האָבן די גמ״ח׳ן ניט געקענט באַפרידיקן די פאַרגרעסערטע צוליב דער נויט צאָל ווענדונגען, הגם אויך אין דעם דאָזיקן שווערן יאָר האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו זאַמלען נייע אייגענע מיטלען און האָבן זיך דער עיקר דערנערט פון אייגענע זאַפּסן. זיי האָבן אַפילו אויך אין אָט די צייטן געמוזט צוריקצאָלן ראַטעסווייז דעם ד. ד. ק. זיינע פריערדיקע קרעדיטן, ניט אַלעמאָל באַקומענדיק צוריק אַ קאָמפּענסאַציע.

די באַציאונגען מיט דעם גמ״ח ד. ד. ק. - פאַרטרעטער (פון אָרטיקע מענטשן, ז. אויבן און ווייטער) זיינען צייטנווייז געוואָרן פאַרשווערט און צום סוף אַפילו אינגאַנצן אוממעגלעך און אַזוי גוט ווי איבערגעריסן צוליב פּרינציפּיעלע חילוקי דעות. דער דאָזיקער פאַרטרעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן געזעלשאַפטלעך פאַר פיל ערגער און פיינדלעכער, ווי די אַמעריקאַנער פאַרטרעטער בשעתו. די געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן האָט זיך נאָך אַלץ ניט אַ רוק געטאָן פאָראויס, איז ניט געוואָרן מער אָרגאַניזירט און האָט אַלץ ניט געקענט ווערן זעלבשטענדיק, וואָס האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף דער גאַנצער טעטיקייט און געהעמט איר אַנטוויקלונג.

*

אַ גאָר שווערער יאָר איז געווען 1930 פאַר דער עמיגראַציע-אַרבעט. די באַדערפענישן אין עמיגראַציע פון אונזערע געגנטן האָבן זיך געמערט וואָס פון טאָג, — און די עמיגראַציע-לענדער האָבן זיך פאַרמאַכט איינס נאָכן אַנדערן. אייגנטלעך האָבן זיך די דאָזיקע לענדער ניט געשלאָסן אינגאַנצן און פולשטענ-

דיק, אַזוי צו זאָגן הערמעטיש, אָבער ס׳זיינען איינגעפֿירט געוואָרן אַלץ נייע חומרות, קוואָטעס און באַגרעניצונגען און אַפֿילו די לענדער, וואָס זיינען ביז דעם יאָר געווען פֿריי, האָבן אויך אָנגעהויבן פֿעסטער צו פֿאַרריגלען זייערע טויערן. ווי ס׳האָט כאַראַקטעריזירט דעם יאָר 1930 אין זיין באַריכט דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער ווילנער עמיגראַציע-אָפּטיילונג ה׳ י. וואָלק, איז עס געווען אַ נערוועזער יאָר, — אַלע ווײַלע מיט נייע גזרות און פּירושים.

צום יאָר 1931 זיינען חוץ דער באַרימטער קוואָטע אויף די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון-אַמעריקע געווען אַזוי-גוט ווי געשלאָסן אַוסטראַליע, דרום-אַפֿריקע און קאַנאַדע; צען מאָל פֿאַרמינערט אַרגענטינע; באַגרעניצט קאָלומביע, טשילי, קובע, מעקסיקע, בראַזיליע.

אַ באַזונדערס שווערער קלאַפּ איז געווען פֿאַר אונזער עמיגראַציע דאָס שליסן דרום-אַפֿריקע (צום 1 מאַי 1930), וואוהין ס׳פֿלעגן פֿליסן שטאַרקע שטראָמען עמיגראַנטן פֿון ליטע. ס׳איז ניט צו באַשרייבן די בהלה- און מהומה-חדשים (פֿעברואַר—מערץ 1930) פֿאַרן שליסן דאָס לאַנד און די סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אונזערע ביוראָען אין דער דאָזיקער צייט, ווען מיט יעדן קלונג פֿון טעלעפֿאָן און מיט יעדער דעפּעש איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַ נייע גזירה אָדער נייע באַגרעניצנדיקע פּרטים. ס׳זיינען כּסדר געשטיגן די פּרייזן אויף שיפֿסקאַרטעס, ס׳האָבן זיך געהויבן די פֿאָדערונגען אויף וויזע-געלט (לענדינג-מאָני), ס׳זיינען מיט אַמאָל גאָר אָנגעהויבן אויסצורינען די פּלעצער אויף די שיפֿן און די שוין-באַשטעלטע ערטער זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן. אונזערע ביוראָען זיינען מאָביליזירט געוואָרן צו דער אַרבעט טאָג און נאַכט, די טוער זיינען געשטאַנען אויף זייערע פּאָסטנס ווי מיליטערלייט, אַ חיכסיקע טעטיקייט האָט אַנטוויקלט „היקעם" מיט אויסגעפֿינען פּלעצער אויף די שיפֿן און מיט גאַראַנטירן פֿאַר די וויזע-געלטער — און די גרויסע טראַנספּאָרטן עמיגראַנטן זיינען מיט ערפֿאָלג אָפּגעשיקט געוואָרן צום באַשטימטן טערמין קיין דרום-אַפֿריקע. אַלע אונזערע עמיגראַנטן פֿון ווילנע און פּראָווינץ (איבער 170 פּערזאָן), וואָס זיינען אָפּגעפֿאָרן אין די דאָזיקע פֿאַר לעצטע חדשים, זיינען אויך אַריינגעלאָזן געוואָרן אין לאַנד און קיינער איז ניט צוריקגעשיקט געוואָרן.

אַ נייע בהלה, — אַ פֿיל קלענערע,— האָט אַרויסגערופֿן די פֿלוצלונגדיקע פֿאַרטייערונג, אָנשטאָט 3 דאָלאַר אויף 33 דאָלאַר פֿון דער וויזע (און ביילאַגעס) קיין אַרגענטינע צום אָנהויב יאָר 1931. ווידער זיינען אַוועק צום באַשטימטן טערמין די באַטרעפֿנדע גרעסערע טראַנספּאָרטן עמיגראַנטן.

כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין די אינטענסיווע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע טעטיקייט פֿון אונזער ווילנער עמיגראַציע-אָפּטיילונג „יעאָס" ביי „יעקאָפּאָ" דאַרף מען געדענקען, אַז אַ גרויסע צאָל פּעטענטן אירע זיינען פֿונאַנדערגעוואָרפֿן איבער דער גאַנצער פּראָווינץ, אָפֿטמאָל אין די פֿאַרוואָרלאָזטע פּונקטן מיט די ערגסטע קאָמוניקאַציע-מעגלעכקייטן, און אַז זיי אַלעמען האָט מען געדאַרפֿט אינפֿאָרמירן צו דער צייט, ריכטיקער צו דער מינוט, ווייל יעדע רגע האָט געקענט אינגאַנצן איבערבייטן די סיטואַציע צום ערגסטן פֿאַרן עמיגראַנט אָדער אַפֿילו אינגאַנצן מאַכן פֿאַר אים אוממעגלעך דאָס אַרויספֿאָרן. דאָ האָבן פֿיל מיטגעהאָלפֿן, ווי ביי אַנדערע ענלעכע אַקציעס, די ענגע פֿאַרבינדונגען, וואָס „יעקאָפּאָ" האָט מיט דער פּראָווינץ.

די סטאַטיסטישע דאַטן פֿון דער ווילנער „יעאָס"-אָפּטיילונג ביי „יעקאָפּאָ" פֿאַרן לעצטן יאָר שטעלן זיך פֿאָר אויף פֿאָלגנדן אופֿן:

עמיגראַציע אין יאָר 1930.

1) אַלגעמיינע צאָל באַזוכן פֿון עמיגראַנטן — 12.079. די צאָל פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך צום ערשטן מאָל געווענדעט אין ביוראָ (אויסשליסלעך נייע עמיגראַנטן — ראשי המשפּחות) — 2.611. אינטערווענצן ביי דער מאַכט 398, אין די קאָנסולאַטן 247. הלוואות 178.

2) לויטן פֿאַך זיינען די עמיגראַנטן געווען: בעלי-מלאכות און אַרבעטער 1.341 (51,4 פּראָצ.), ערדאַרבעטער 229 (8,7 פּראָצ.), הענדלער 272 (10,4 פּראָצ.), פֿרייע פּראָפֿעסיעס 48 (1,9 פּראָצ.) און אָן באַשטימטע באַשעפֿטיקונגען 721 (27,6 פּראָצ.),—צוזאַמען 2611.

3) לויט געשלעכט: מענער 1.677, פֿרויען 934. יינגער 18 יאָר: מ. 149, פֿ. 91; 18 — 25 יאָר — מ. 562, פֿ. 304; 25—40 יאָר—מ. 661, פֿ. 309; 40—60 יאָר—מ. 238, פֿ. 147; עלטער פֿון 60 יאָר — מ. 67, פֿ. 83 — צוזאַמען 2611.

4) לויט די אימיגראַציע-לענדער איז די צאָל ווענדונגען געווען פֿאָלגנדע: אַרגענטינע — 415, פֿראַנקרייך — 415, פֿאַראייניקטע שטאַטן — 379, דרום-אַפֿריקע — 318, בראַזיליע — 231, קאַנאַדע — 195, אורוגוואַי — 141, רוסלאַנד — 80, קובע — 64, מעקסיקע — 54, פּאַלעסטינע — 52, לעטלאַנד — 40, בעלגיע—23, דייטשלאַנד—41, טשילי—17, ליטע — 16, קאָלומביע — 9, אַוסטראַליע — 5, ווענעצועלע — 5, רומעניע — 5, כינע, עסטלאַנד, שווייץ און שפּאַניע צו 4; דאַנציג און האָלאַנד צו 3; פֿינלאַנד און שוועדן צו 2; לוקסעמבורג, סיריע, עסטרייך, גוואַטעמאַליע, טשעכיע, קאָסטאַ-ריקאַ און פּאָרטוגאַל צו 1; אומבאַשטימטע לענדער—12, צוזאַמען 2.611.

5) די צאָל באַקומענע ערלויבענישן אויף אומזיסטע אויסלענדישע פּעסער האָט באַטראָפֿן 1.068; צאָל באַקומענע וויזעס (אונטער די אויגן) — 427. צאָל באַקומענע בריוו — 5.005, צאָל אָפּגעשיקטע בריוו — 7.956. צאָל אויסגעקויפֿטע שיפֿסקאַרטעס — 395, צאָל צוגעשיקטע פּריפּיידן — 320. די סומע פֿון די שיפֿסקאַרטן האָט באַטראָפֿן — 44.127 דאָלאַר. די אַרויסגעגעבענע הלוואות אויף די שיפֿסקאַרטעס האָט באַטראָפֿן 4.647.50 דאָלאַר.

6) צאָל אָפּגעפֿאָרענע עמיגראַנטן: אין מעבר-לים-לענדער — אַרגענטינע — 233, דרום-אַפֿריקע — 176, קאַנאַדע — 84, פֿאַראייניקטע שטאַטן—66, בראַזיליע—65, אורוגוואַי—27, פּאַלעסטינע—26, מעקסיקע—18, קובע 12, קאָלומביע—3, אַוסטראַליע און כינע צו 2, ווענעצועלע, ניופֿאַונלענד און פּערו צו 1. צוזאַמען — 717; אין די אייראָפּעאישע לענדער: פֿראַנקרייך—84, לעטלאַנד—30, ענגלאַנד—13, בעלגיע — 12, רוסלאַנד 5, דייטשלאַנד — 4, רומעניע — 3, האָלאַנד — 2, שווייץ—2, ליטע און שוועדן צו 1. צוזאַמען—159. בסך הכּל—874. די פֿאַקטישע צאָל אָפּגעפֿאָרענע עמיגראַנטן איז זיכער אַ גרעסערע, ווייל אַ טייל האָבן ניט צו טאָן אין ביוראָ פֿאַרן אָפּפֿאָרן, חוץ דעם געפֿינט זיך אַ טייל אין דער ווייטער פּראָווינץ, וואָס ווערט אויך ניט רעגיסטרירט פֿאַרן אָפּפֿאָרן.

אין זעלבן יאָר 1930 איז אַנטשטאַנען אין פּוילן אַ נייע עמיגראַציע-קערפּערשאַפֿט פֿון אַ האַלב-אָפֿיציעלן מאָנאָפּאָל-כאַראַקטער און ברייטן סטאַטוס — דער אַזויגערופֿענער עמיגראַציע-סינדיקאַט (זע דעם ביולעטין פֿון עמיגראַציע-אַמט, פּויליש, פֿון 15 יולי 1930, נומ׳ 14), וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון פּוילישן מלוכהשן עמיגראַציע-אַמט אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַנדלס-אונטערנעמונג אויף פּייען מיט באַגרעניצטער אחריות, אין וועלכער דער מלוכהשער עמיגראַציע-אַמט האָט 60 פּראָצ. פּייען און די קאָנצעסיאָנירטע אין פּוילן שיפֿסגעזעל-

שאַפטן 40 פּראָצ. דער סינדיקאַט פירט די עמיגראַציע-אַרבעט דורך אַ ריי אייגענע ביוראָען (ווערט פאַראויסגעזען איבער 100), וואָס מאַכט איבעריק די עקסיסטענץ פון די שיפסקאַנטאָרן אויף דער פּראָווינץ, וועלכע ווערן צוליב דעם ליקווידירט. די שיפסגעזעלשאַפטן ווידער, פאַרשפּאָרנדיק די קאָסטן פון די ביוראָען, צאָלן דעם סינדיקאַט אַ געוויסע סומע (15 דאָלאַר) פון יעדער שיפסקאַרטע אויף אויסהאַלטן די אונטערנעמונג.

דערווייל האָט דער סינדיקאַט ניט געשטערט די עמיגראַציע-געזעלשאַפטן. וועגן די באַציאונגען אין דער צוקונפט איז שווער צו אורטיילן, צוליב דער נייקייט פון דער זאַך.

•

אין מאַי 1930 האָט דער גענעראַל-דירעקטאָר פון דזשוינט אויף אייראָפּע ד״ר בערנאַרד כהן באַזוכט פּוילן מיטן צוועק צו באַקאַנען זיך מיט דער לאַגע אויף אָרט, אויסצואַרבעטן אַ ריי פּלענער אויף צוצושטעלן דעם ד. ד. ק. אין ניו-יאָרק און צוגרייטן זיך צו אַ רייזע קיין אַמעריקע אויף אַ זיצונג פון ד. ד. ק. אין שייכות מיט דער ווייטערדיקער פירונג פון דער ד. ד. ק.-אַרבעט אין אייראָפּע בכלל.

צוליב דעם שווערן ווירטשאַפטלעכן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דער אינטערעס צום קומען פון ד״ר כהן קיין פּוילן געווען באַזונדערס גרויס. ס'זיינען געלייגט געוואָרן גרויסע האָפענונגען אויף די רעזולטאַטן פון דעם באַזוך. די וואַרשעווער פּרעסע און נאָך איר די פּראָווינציעלע איז איבערפולט געוואָרן מיט אַרטיקלען, נאָטיצן און איבערטריבענע ידיעות, מען האָט נעגרייט מעמאָראַנדומס, ס'האָבן זיך אַ שאַט געטאָן בקשות און ווענדונגען, ס'האָט אויפגערודערט די גאַנצע אַזוי-גערופענע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, פון אַלץ האָט זיך געטראָגן אַ גרילצנדיקער געשריי און סענסאַציע; אַ ליאַרם און אַ טומל איז אויפגעהויבן געוואָרן ווי ביי דער גרעסטער וועלטגעשעעניש.

און אַז ד״ר כהן איז געקומען קיין וואַרשע און ס'איז אַנטשטאַנען דער ריכטיקער מאָמענט צו דערלאַנגען די קאָנקרעטע פּלענער פון אַרבעט, האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט, ווי גרויס איז די ירידה פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פּוילן, ווי שווער עס איז זיך נוקם די אומאָרגאַניזירטקייט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכקייט, דאָס פולשטענדיקע פעלן פון אַן אַלגעמיינער איינגענער גרויסער אָרגאַניזאַציע אויף ברייטע יסודות פאַר די וויכטיקסטע נויטן און פראַגן פון יידישן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן און ווי שעדלעך ס'איז דער כאַאָס, די צעבּרעקלונג און צושפּליטערונג פון די כוחות און דאָס דולדן אָדער פאַרלאָזן זיך אויף פרעמדע אַפּוטראָפּסים אין וואַרשע, וואָס ווילן נאָך אַלץ פאַרבייטן די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכקייט און אַפילו ברעכן איר דאָרט, וואו זי איז פאַראַן (ווי דאָס איז געווען דער טרויעריקער פאַל מצד דעם ד. ד. ק.-פאַרטרעטער פאַר די גמ״ח-קאַסעס אין וואַרשע בנוגע דער געזעלשאַפטלעך-אָרגאַניזירטער ווילנער געגנט).

און אַזוי איז געשען, אַז אַנשטאָט צו וויסן, וואָס מען וויל, וואָס לייגט פאַר די יידישע געזעלשאַפט, האָט מען גאָר אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז ד״ר כהן אַליין זאָל געבן דעם פּלאַן, ער זאָל אָנווייזן די הילף, ער זאָל פאָרמולירן די נויטן, — און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַזאַ מין אָפּהענטיקייט און פאַרלאָרנקייט, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט איר גלייכן. די וואַרשעווער און אַנדערע יידישע פּרעסע פון יענער צייט וועט פאַרבלייבן אַלס בולטע אָפּשפּיגלונג פון דעם דאָזיקן טרויעריקן בילד.

און אין דערזעלבער פּרעסע וועט מען אויך געפינען, אַז נאָך פריער און אויך שפּעטער האָט מען אין וואַרשע אין משך פון יאָרן אַלץ געהאַלטן אין איין ריידן וועגן גרינדן אַן אַזוי-גערופענעם ווירטשאַפטלעכן ראַט, אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די פּראָבלעמען פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן, זיינע וועגן און צוקונפט און זאָל זאָרגן וועגן די נויטן פון יידישן קיבוץ, וואָס האָט זיך ממש געהאַלטן אין טרינקען פון נויט און יאוש, און מען האָט דעם ראַט און די אָרגאַניזאַציע אַלץ ניט געקענט גרינדן (ערשט אין מערץ 1931 האָט זיך באַוויזן אין דער וואַרשעווער פּרעסע ווידער אַמאָל די אַלט-נייע ידיעה וועגן דעם, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון סוחרים, קליינהענדלער און האַנטווערקער, וואָס האָט באַשלאָסן צו גרינדן אין וואַרשע אַ ווירטשאַפטלעכן ראַט...).

ס'איז דעריבער אויך קיין וואונדער ניט, וואָס דער באַזוך פון ד״ר כהן האָט ניט געגעבן קיין רעזולטאַטן (ניט נאָר צוליב דעם, וואָס גאָר אינגיכן האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע גופא דער גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס), ס'איז קיין נייס ניט באַשאַפן געוואָרן, דאָס ביסל הילף איז זיך ווייטער געגאַנגען אין די אויסגעטראָטענע וועגן. און אין וואַרשע איז אַפילו נאָך אין יאָר 1931 אַלץ פאַרבליבן זיצן דער גמ״ח-ד.ד.ק.-פאַרטרעטער מיט אַ ביוראָ, וואָס האָט שוין לאַנג קיין אָרט ניט געדאַרפט האָבן, ווייל די אָרטיקע געזעלשאַפט האָט שוין לאַנג געדאַרפט איבערנעמען אויך די דאָזיקע גמ״ח-טעטיקייט (ווי „מאַז״, „צענטאָס״, „יעאָס״, „אָרט״, קאָאָפּעראַציע וכדומה).

קיין ווילנע איז ד״ר כהן געקומען מיטוואָך דעם 24 מאַי 1930, דעם ערשטן מאָל אין משך פון די פאַר-מלחמה- און נאָך-מלחמה-יאָרן. אין זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע זיצונג (פּלענום) פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״ אין ווילנע צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פון פּראָווינץ. נאָך פריער האָט „יעקאָפּאָ״ אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי פאַך-זיצונגען מיט זאַכקענער און פאַרטרעטער פון באַטרעפנדע אינסטיטוציעס און ס'זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ריי קאָנקרעטע פּלענער פון אַ גרעסערן פאַרנעם. ס'זיינען געווען באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן פון פּראָדוקטיוויזאַציע און איבערשיכטונג און צווישן זיי דער פּראָיעקט פון אוניווערסאַלע אָפּזאַץ-לאַגערן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און אַ פּלאַן פון לאַנדווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. וועגן די אַלע ענינים זיינען צוגעשטעלט געוואָרן די געהעריקע מאַטעריאַלן. אויף דער זיצונג איז געגעבן געוואָרן אַן אַלגעמיינער בילד וועגן דעם עקאָנאָמישן מצב אויף דער ווילנער פּראָווינץ אויפן יסוד פון די פאָרשונגען, וואָס „יעקאָפּאָ״ האָט אונטערגענומען און ס'זיינען אויך אַרומגערעדט געוואָרן די לויפנדע ענינים פון דער אַרבעט, וואָס ווערט שוין געפירט. די אַלע פראַגן און געביטן פון אַרבעט זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי איין גאַנצע זאַך, ניט יעדערע באַזונדער און אָפּגעזונדערט, נאָר ווי אַן איינהייטלעכער קאָמפּלעקס, וואָס פירט דורך פאַרשיידענע וועגן צו איין און דעמזעלבן ציל. ווי אויבן-באַמערקט, זיינען קיין רעזולטאַטן ניט דערגרייכט געוואָרן.

•

די אַלגעמיינע טעטיקייט פון „יעקאָפּאָ״ איז געווען אָנגעפירט פון דער עקזעקוטיווע און די דירעקטע אַרבעט פון קאָמיטעט — דורך דער אַרבעטס-ביוראָ אָדער אויספיר-ביוראָ.

פון צייט צו צייט פלעגן אויך פאָרקומען פּלענאַרע זיצונגען (פּלענומס) מיט פאַרטרעטער פון פּראָווינץ.

די אויסגעוויילטע אויף דער ערשטער קאָנפערענץ דעם 10 סעפּטעמבער 1919 עקזעקוטיווע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע 13 פּערזאָן (לויטן א״ב): הרב ר' חיים עוזר גראָדזענסקי, ד״ר י. ווינאָגראָדסקי, י. וואַלק, ל. זאַקהיים, מ. יעווזעראָוו,

ברוך כהן, א. לאַנגבאַרט, אינזש. וו. מאַקאַוער, הרב ש. פריד, נ. א. קאָוואַרסקי, א. רודניצקי, ד״ר צ. שאַבאַד, מ. שאַליט.

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ דעם 7 דעצעמבער 1921 זיינען אריין אין עקזעקוטיווע: הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, י. וואַלק, מ. יעווזעראָוו, א. לאַנגבאַרט, הרב ש. פריד, נ. א. קאָוואַרסקי, א. קליאַנסקי, הרב י. רובינשטיין, א. רודניצקי, ד״ר צ. שאַבאַד, מ. שאַליט.

אויף דער דריטער קאָנפערענץ דעם 10 מערץ 1924 זיינען אויסגעוויילט געוואָרן אין עקזעקוטיווע פאָלגנדע פערזאָנען: ס. אַנטאָוויל, הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, ד״ר י. וויגאָדסקי, ד״ר נ. גערשון, י. וואַלק, מ. יעווזעראָוו, א. לאַנגבאַרט, הרב ש. פריד, נ. א. קאָוואַרסקי, א. קליאַנסקי, הרב י. רובינשטיין, א. רודניצקי, ד״ר י. רעגענסבורג, ד״ר צ. שאַבאַד און מ. שאַליט. פאָרזיצער איז געווען ד״ר צ. שאַבאַד, גענעראַל-סעקרעטאַר (און פון יאָר 1926 אויך וויצע-פאָרזיצער) — מ. שאַליט.

•

אין משך פון די לעצטע יאָרן זיינען פאָרגעקומען אַ ריי ענדערונגען.

ס. אַנטאָוויל איז אָפגעפאָרן קיין ארץ-ישראל, נ. א. קאָוואַרסקי — קיין וואַרשע, ד״ר י. רעגענסבורג איז געשטאָרבן, ד״ר נ. גערשון האָט זיך ניט באַטייליקט אין די זיצונגען. ד״ר צ. שאַבאַד, ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי און הרב י. רובינשטיין האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן ווייניק פאַרנומען מיט דער אַרבעט פון „יעקאָפאַ״.

פאַר די יאָרן 1919—1931, ד. ה. פון אָנהויב אָן ביז אויף היינטיקן טאָג, — אין משך פון 12 יאָר בסדר, — זיינען אַלזאָ געווען מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און טוער פון „יעקאָפאַ״ אָן איבעררייס: י. וואַלק, מ. יעווזעראָוו, א. לאַנגבאַרט, הרב ש. פריד, א. קליאַנסקי (פון יאָר 1920 אָן), א. רודניצקי און מ. שאַליט, וועלכער איז אויך געווען די גאַנצע 12 יאָר אָן איבעררייס גענעראַל-סעקרעטאַר פון „יעקאָפאַ״.

די פאַקטישע אַרבעט איז די גאַנצע צייט אָנגעפירט געוואָרן פון אויספירביוראָ אין באַשטאַנד פון: י. וואַלק, מ. יעווזעראָוו, א. קליאַנסקי און מ. שאַליט, אונטערן פאָרזיץ פון לעצטן.

•

אין משך פון די יאָרן האָבן זיך אין פאַרשיידענע צייטן באַטייליקט אין די זיצונגען אין ווילנע און מיטגעהאָלפן דער אַרבעט פון „יעקאָפאַ״ איבער 120 טוער און פאַכלייט (ניט רעכענענדיק די דעלעגאַטן פון די קאָנפערענצן און די פראָווינציעלע מיטגלידער פון פלענום און אויך ניט די טוער פון די אָרטיקע קאָמיטעטן אין דער פראָווינץ, ז. „אונזער הילף״).

פיל מיטגעהאָלפן דער אַרבעט האָט אויך דער פערסאָנאַל פון „יעקאָפאַ״, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ ריי זייער איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער און פונקט ווי די פאַקטישע פירער פון דער עקזעקוטיווע איז ער אויך פון ערשטן טאָג אָן געשטאַנען אויפן פאָסטן אין משך פון יאָרן אָן איבעררייס. אַז ס׳האָבן זיך געגרינדעט נייע אינסטיטוציעס, וואָס דער געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפאַ״ האָט אַרויסגערופן צום לעבן און וועמען ער האָט איבערגעגעבן טיילן פון זיין אַרבעט, זיינען אַ ריי אָנגעשטעלטע אַריבער אַהין, און קודם-כל אין דער צענטראַלער קאָאָפעראַטיווער פאָלקסבאַנק, וואו זיי אַרבעטן ביז איצט, ווי ל. זאַקהיים, א. אייזענבערג, ח. כאַזאַן, ג. מייזל א. א.

•

די ערשטע דירה פון „יעקאָפאַ״ אין ווילנע האָט זיך געפונען אויף זאַוואַלנע 2. סוף מערץ 1919 איז דער קאָמיטעט אַריבער אויף זאַוואַלנע 25, אין דעם געוועזענעם לאָקאַל פון דער צייטונג „לעצטע נייעס״ און דערנאָך אויף גר. פאָהולאַנקע 9 (איצט 15). פון יוני 1921 האָט זיך „יעקאָפאַ״ אַריבערגעקליבן אין איין גרויסן לאָקאַל צוזאַמען מיט דער צענטראַלער קאָאָפעראַטיווער פאָלקס-באַנק אויף גר. פאָהולאַנקע 3 (איצט 5), וואו ער געפינט זיך ביז אויף היינטיקן טאָג באַלד 10 יאָר צייט און וואוהין עס איז שפעטער (1926) אַריבער אויך דער ביכערלאַגער. דאָרט געפינט זיך אויך דער אַרכיוו פון „יעקאָפאַ״. חוץ דעם האָט נאָך „יעקאָפאַ״ געהאַט אין די ערשטע יאָרן באַזונדערע לאָקאַלן פאַר די היימלאָזע-ביוראָען און לאַגערן, ווי אויך פאַרן ביכערלאַגער, וועלכער האָט זיך אין 1921—1924 געפונען אין דעם גרויסן לאָקאַל אויף גר. פאָהולאַנקע 18, וואו פריער איז געווען די אַנ-סקי-היים (זע. ז. 55—57).

•

אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיווע פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפאַ״ אין ווילנע דינסטאָג דעם 24-טן פעברואַר 1931, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט: ד״ר י. וויגאָדסקי, י. וואַלק, מ. יעווזעראָוו, א. לאַנגבאַרט, הרב ש. פריד, א. קליאַנסקי, א. רודניצקי און מ. שאַליט איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אָנהויב זומער 1931, נאָכן ערשיינען פון פנקס, די 4-טע געגנט-קאָנפערענץ פון „יעקאָפאַ״, מיט פאָלגנדן סדר-היום:

1) באַריכטן: אַלגעמיינע טעטיקייט; רעפרעזענטאַנץ; יורידישע, אינספעקטאָרישע און אינסטרוקטאָרישע הילף; אויפבויאונג פון חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער; קינדער-פאַרזאָרגונג און פאַך-בילדונג; גמ״ח-קאַסעס; עמיגראַציע. קולטורעלע טעטיקייט: סטאַטיסטיק און דאַטן וועגן די דורכגעפירטע אַרבעטן אין די לעצטע יאָרן; פינאַנציעלע באַריכטן. 2) ענדערונג פון סטאַטוט. 3) וואַלן פון עקזעקוטיווע און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע. 4) די ווייטערדיקע אַרבעט. 5) אייגענע זאַמלונגען, אויפרופן, ווענדונגען און אַקציעס, שאַפונג פון אַ ספעציעלן פאָנד. 6) די ווירטשאַפטלעכע לאַגע און נייע פאָרמען פון הילף און אויפבוי. 7) 15-יאָריקער (זינט די מלחמה- און אָקופאַציע-יאָרן און 12-יאָריקער, — זינט 1919) יובל פון „יעקאָפאַ״. 8) פרייע פאָרשלאָגן.

אויף דערזעלבער זיצונג איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, נאָכן ערשיינען פון פנקס, צו באַנייען דאָס אַרויסגעבן דעם אָרגאַן פון געגנט-קאָמיטעט „יעקאָפאַ״, דעם זשורנאַל „אונזער הילף״.

•

אָנהויב מערץ 1931 האָבן זיך באַוויזן אין די צייטונגען ידיעות, אַז אין אַמעריקע ווערט ווידער אונטערגענומען אַ נייע ד. ד. ק.-זאַמלונג (דרייוו) מיטן צוועק צו שטיצן די יידישע באַפעלקערונג אין מזרח-אייראָפע.

דער מאָמענט איז באמת געווען אַ זייער שווערער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס אָן נאָענטסטע האָפענונגען און פערספעקטיוון און האָט זיך געפונען אויפן ראַנד פון פאַרצווייפלונג. אָבער אויך אין אַמעריקע האָט געהערשט אַ שטאַרקער ווירטשאַפטלעכער קריזיס,— און דאָך איז דאָרט דער דרייוו פראָקלאַמירט געוואָרן, וואָס פאַרדינט זיכער די גרעסטע אָנערקענונג.

אָבער גלייכצייטיק איז שוין געקומען די העכסטע צייט, אַז ס׳זאָל גענוי און דייטלעך באַטאָנט ווערן, אַז די אַמעריקאַנער אָדער אַנדערע הילף פון אויסן, וועלכע איז, האָפנטלעך, בלויז אַ פאַראיבערגייענדיקע ערשיינונג פאַר שווערע צייטן, דאַרף געגעבן און גענומען ווערן נאָר אויף בכבודיקע און ווירדיקע באַדינגונגען און דאַרף געפירט ווערן נאָר און אויסשליסלעך דורך דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס דאַ-

זיקע געלט סאָר ניט דינען ביי קיין שום פאַל און אין ערגעץ ניט פאַר אַ מיטל צו באַקעמפן די יידישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר פאַרקערט דאַרף אונטערשטיצן יעדע אירע שפּראַצונגען. אַנדערש קען עס ניט ברענגען קיין נוצן און וועט לסוף בלויז אַריינטראָגן דעמאָראַליזאַציע און דעזאָרגאַניזאַציע.

איבעריקנס, איז אויך צייט צו דערמאָנען, אַז צום גליק זיינען שוין אַוועק די פעריאָדן פון תמיכה און אַז די הילפסאַרבעט, וואָס ווערט געפירט פון דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, איז אויסשליסלעך אַ פּראָדוקטיווע און מיט דעם גרעסטן אַנטייל פון אייגענע אָרטיקע מיטלען. די אַמעריקאַקער און אַנדערע געלטער פון אויסן, אויף וויפיל זיי זיינען פאַראַן, ווערן מערסטנטייל אומגעקערט צוריק, און אויף דעם חיכּסיקסטן און גרעסטן יידישן עקאָנאָמישן געביט (קאָאָפעראַציע) ווערט דער קערן אומגעקערט אפילו מיט פּראָצענטן.

אין אַ שווערן מצב פון יאוש און פּאַניק איז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אַריינגעטראָטן אין יאָר 1931. ניט ווייניק אירע אַזויגערופענע גוטע פריינד האָבן זיך אויפן אַלגעמיינעם פּאַן פון ירידה און אַפּגעלאָזנקייט אַרויסגעוויזן פאַר אירע שונאים. אָבער די צייטן וועלן זיך דאָך בייטן און דער נצחון וועט קומען. די געזעלשאַפטלעכקייט וועט האָבן צו געדענקען די טרויעריקע בלעטלעך און וועט שעפּן פון זיי דערפאַרונג אין די בעסערע און ליכטיקערע טעג פון איר אויסשוואונג און אויפלעבונג.

מ. שאַליט.

מערץ, 1931.



געשניצטער ארון־קודש אין דער שול פון זשעטל

די אויפשריפט אויפן ברעטל פון הויז:

„DOM NAPOLEONA".

1821 r. Z ganku tego domu Napoleon I w r. 1812 przeglądał swoje wojska, maszerujące na Moskwę. 1921 r.

דאָס ברעטל איז צוגעקלאַפּט געוואָרן צו דער הונדערטסטער יאָרצייט נאָך נאַפּאָלעאָנס טויט (1821 -1921).



„נאַפּאָלעאָנס הויז"

אין סוועניציאַן

ד"ר ל. מ. בראַמסאָן

געוו. טוער פון פעס. „יעקאפא", דירעקטאר פון „אָרט".

1081

האַרי פישל

גונר פון „היאַס", אַמעריקע.

1032

ב. וואָלאַדעק

טוער פון „היאַס", אמערי ל.

1083

די איבעריקע 72 פאָרטרעטן פון טוער ז. ניי די געהעריקע ערטער אין ביאָגראַפישן לעקסיקאָן פון אונזער פנקס וואייניקע אנדערע אויך פי רעד.

לוח „פון יאָר צו יאָר" 1926 -1929.

געזעלשאַפטלעכע קאַריקאַטורן.

די קאַריקאַטורן, וואָס ווערן דאָ ווייטער רעפּראָדוצירט, טראָגן אַלע אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און זיינען אַ דאָקומענט פון זייער צייט.

זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט עפנטלעך אין די יאָרן 1921—1923 אויף די אָוונטן פון לערער-פאַראיין, קונסט-געזעלשאַפט, סטודענטן-בעלער און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין ווילנע.

די קאַריקאַטורן זיינען געצייכנט פון קינסטלער יעקב שער (אַליין אַ לערער פון מאָלן אין די ווילנער יידישע שולן) און אייניקע פון זיי זיינען בשעתו אויך געווען אַרונטערגענומען אויף קאַרטלעך און פאַרשפּרייט אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן.

אין ביטערן געמיט פון שווערע צייטן האָבן זיי אַריינגעבראַכט אַ גוטמוטיקן שמייכל און האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן ערפאָלג.

זיי קענען נאָך גילטן אויך פאַר אונזערע טעג. רעד.



א באַקאַנטע לויה

האַרבסט 1921

נאָך דער ליקווידאַציע פון דער אַמעריקאַנער שטיצע

(ז. „אונזער הילף“ 1921, נומ׳ 6)

פון רעכטס אויבן: ד״ר ה. קאָוואַרסקי, ד״ר צ. שאַבאַד, ג. פלודערמאַכער, ג. ליבאַצקי, ז. רייזען, ווירגילי-כהן, ש. ירידאַוויטש.

פון רעכטס אונטן: א. רודניצקי, ס. יעזשעראַוו, מ. שאַליט; ד״ר י. רעגענסבורג; ל. מורגנווייס, ד״ר י. בערגער; הרב ש. פריד, הרב י. רובינשטיין, ז. קליינשטיין, מ. קרוק, י. שעסקין, ד״ר י. ווינגאַרסקי, ש. אייזיקאָוו, ג. נאַידין, מ. נעמעל, י. צאַמעל, מ. עליאַשקי, א. כ״ץ, מ. סעניצקי.



די לערער האָבן באַקומען אַ טראַנספּאָרט אַמעריקאַנער זאַכן...

1921 א. א.

פון לינקס אויף רעכטס: מ. יפה, ש. ירידאַוויטש און לייוויק האַרטס גייען פון שמחה אין תקפות מיט די נאַמקעס.



סימפאָנישער אָרקעסטער

1921 דעצעמבער

שווערע ביודזשעט-פערספעקטיוון פאַר די קולטור-אנשטאלטן און לערער.

מען שערט די סובסידיעס.

דער סימפאָנישער אָרקעסטער מאַכט אן אונטערנעמונג און רופט צו זאמלונגען.

פון לינקס אויבן: ט. ז. אקן, ר. סימכאָוויטש; י. רובין, י. גיליניטש, מ. שור.

פון לינקס אונטן: נ. פלורענטינער, ווירגילי-כהן, ד״ר ה. קאָווארסקי, לובעצקי;
איבער זי פון רעכטס: ד״ר צ. שאבאד, פסערן.



מיסל-ליטע ביים אויסגיין

1922 פעברואר

ד״ר מעד. צ. שאבאד מאַפט דעם פולס און שטעלט דעם דיאַגנאָז, אז די מלוכה גוססט.



פרילינג 1922

פון לינקס אויף רעכטס אינטן: ד״ר צ. שאַבאַד, ד״ר ה. קאָוואַרסקי, ד״ר גירשאָוויטש, דער כירורג ד״ר זאַרכין, ד״ר י. ראַבאָס (אין די ברילן), מ. גראָסמאַן (אונטן).

אין דער צווייטער ריי פון לינקס אויף רעכטס: ד״ר מ. בראָדסקי און פרוי ד״ר פ. בראָדסקי; איבער זיי: ה. מ״ץ, דער פאַרסט, ד״ר פ. ראָזענטאַל, ד״ר מ. לעווין, פרוי קאַגאַן, פרוי ליבן, ד״ר ליבאַ, פרוי בלאָנקשטיין, (--).



די תליה

פורים-באַל 1923 א. א.

לכבוד פורים האָט מען אויפגעהאַנגען א ריי ווילנער כלל-טוער...

פון רעכטס אויף לינקס: ד״ר צ. שאַבאַד, ד״ר י. ווינגאַרסקי, א. ליטוואַק, ז. רייזען, מ. קולבאַק, מ. שאַליט, ר. קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי, ד״ר ה. קאָוואַרסקי, י. שער, ד״ר יעדוואַבניק, ירמיהו שאַפּירא, פרוי. ע. סמילג.

פון „יעקאָפּאַ“-אַרכיוו*)

1. דער פּנקס „שוקדי מלאכה“.

די חברה „שוקדי מלאכה“ אין נאָוואָגרודעק (וועלכע איז שוין אייניקע מאָל דערמאָנט געוואָרן אין אונזער בוך) איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תרל״ב (1872) מיטן צוועק אָפּצוגעבן די שטעטלשע פאַרלאָזענע יתומים און אָרעמע קינדער צו בעלי-מלאכות, אויסלערנען זיי אַ פאַך, פאָרגן וועגן זיי אויך גייסטיק, לערנען שרייבן, רעכענען וכדומה און צוגרייטן זיי צום לעבן אַלס זעלבשטענדיקע מענטשן. די חברה עקזיסטירט נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג, זיך איבערבויענדיק אויף מאָדערנע יסודות. זי האָט געהאַט פיל איבערגעגעבענע טוער (אין דער ערשטער רייע איר גרינדער גרשון האַרקאַווי, דערנאָך זיין זון יעקב האַרקאַווי און שפּעטער יעקב וואַגנער א. אַ.), האָט געלאָזן מיט איר וויכטיקער טעטיקייט טיפע וואָרצלען אין דער באַפעלקערונג און איז שטאַרק פּאָפּולער. זי פאַרמאָגט איצט אין נאָוואָגרודעק, צווישן אַנדערע, אַן אייגענעם ניי-אויסגעבויטן בנין און צוויי קורסעס און ווערט אָנגעפירט פון דער אינטעליגענץ פון שטאָט. אין די פריערדיקע צייטן האָבן זיך געפרובט גרינדן און האָבן עקזיסטירט חברות „שוקדי מלאכה“ אויך אַנדערשוואו (ווילנע? א. אַ.). אָבער פאַרבליבן ביז איצט איז נאָר די נאָוואָגרודקער „שוקדי מלאכה“, וועלכע איז היינט די איינציקע און פייערט באַלד שוין דעם 60-יאָריקן יובל (אַנדערע רעכענען די דאַטע פון יובל זינט ווי זי איז אויפגעלעבט געוואָרן און צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אויף פעסטע יסודות דורך יעקב האַרקאַווי אָנהייב די אַכציקער יאָרן און פייערט ד. ה. 50 יאָר).

דער פּנקס פון דער חברה „שוקדי מלאכה“ אין נאָוואָגרודעק איז זייער אינטערעסאַנט פאַר יעדן פאָרשער פון אַמאָליקן יידישן סאָציאַלן לעבן און האָט אַ באַזונדערן ווערט פאַר דער פאָרגעשיכטע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון פאַך-בילדונג צווישן פאָלקסקינדער. ער אַנטהאַלט אַ רייע קאָנטראַקטן צווישן דער חברה מיט די בעלי-מלאכות וועגן די לערן-יינגלעך, וואָס די חברה האָט זיי אָפּגעגעבן אויף אַ טערמין; חשבונות פון הכנסה און הוצאה פון דער חברה; אַקטים פון פירן די חברה, אירע גילן, מקורים פון הכנסה און באַנייטע תקנות.

מיר ברענגען דאָ ווייטער אין דעם ווערטלעכן העבּרעאישן אָריגינאַל (בלויז פאַרריכט אייניקע גרייזן) און אין אַ יידישער איבערזעצונג די אָנגעוויזענע תקנות פון דער חברה, וואָס פאַרנעמען אין פּנקס פון „שוקדי מלאכה“ אַ צענטראַלן אָרט.

רעד.

די תקנות פון פּנקס „שוקדי מלאכה“ אין נאָוואָגרודאָק.

(העברעאישער אָריגינאַל)

א׳ כל איש ואיש אשר ידבו לבו להכתפח אל החו״ק מחויב לתת דמי קדימה כפי אשר יושת עליו עפ״י רוב דעות מנהיגי החו״ק ולא פחות מן א׳ רו״כ שלשים וחמשה קאפ.

ב׳ מלבד דמי הקדימה מחויב כל איש אשר יסתפח אל החו״ק לקבל עליו ליתן בכל שבוע ושבוע לא פחות משני קאפ. להאנשים אשר יסבבו לגבות דמי השבוע.

ג׳ כל אחד ואחד מבני החבורה מחויב לסבב בעת אשר יושת עליו עפ״י הגבאים לקבץ דמי השבוע ושארי הכנסות השיכות לצרכי החו״ק ואין כל אחד מן החבורה רשאי לפטור א״ע מזה, אם אך יקרא ע״י המשמש עפ״י פקודת הגבאי בחדשו בלי שום דחוי, ואם יסרב שלש פעמים זה אח״ זה אזי יוקנס שלא יונח בקלפי שלש שנים, ואין הבוררים רשאין לתת לו שום התמנות במשך הנ״ל.

ד׳ הנהגת החו״ק תהי׳ עפ״י שני מנהלים, ארבעה גבאים, נאמן אחד, רואי חשבונות, ובעלי תקנות, אשר יובחרו עפ״י קלפי ובוררים כשרים בכל שנה ושנה במוצש״ק שאחר חג השבועות.

(יידישע איבערזעצונג)

א. יעדער איינער, וואָס וועט פרייוויליק וועלן אַריינטרעטן פאַר אַ מיטגליד אין דער הייליקער חברה, איז פאַרפליכטעט צו צאָלן פאָראויס איינטריטס-געלט וויפל ס׳וועט אַרויסגעלייגט ווערן דורך אַ מערהייט שטימען פון די אָנפירער פון דער חברה, ניט ווייניקער פון אַ רובל מיט 35 קאָפּיקעס.

ב. אויסער דעם איינטריטס-אָפּצאָל איז פאַרפליכטעט יעדערער, וואָס ווערט אַריינגעצויגן אַלס אַ מיטגליד אין דער חברה, נעמען אויף זיך צו צאָלן ניט ווייניקער ווי 2 קאָפּ. אַ וואָך פאַר די, וועלכע וועלן גיין איינמאָנען דעם וואָכער.

ג. יעדער איינער פון דער חברה איז פאַרפליכטעט איינמאָל אין חודש, נאָכדעם ווי דער שמש רופט אים לויטן באַפעל פון די גבאים, — אומבאַדינגט צו גיין איינמאָנען דעם וואָכער-אָפּצאָל אָדער אַנדערע הכנסות, וואָס געהערן צו די באַדערפעניש פון דער חברה און קיינער האָט ניט דאָס רעכט צו באַפרייען זיך פון דעם. אין פאַל, ווען אַ מיטגליד לאָזט זיך בעטן 3 מאָל איינע נאָך די אַנדערע, ווערט ער באַשטראָפט אַזוי: 3 יאָר נאָכאַנאַנד ווערט זיין נאָמען ניט אַריינגעלייגט אין קלפּי**) און קיינער פון די וואַלמענער האָבן ניט דאָס רעכט צו קלייבן אים אַלס אָנפירער אין פאַרלויף פון אויבנדערמאָנטן טערמין.

ד. די אָנפירונג פון דער חברה דאַרף באַשטיין פון 2 מנהלים, 4 גבאים, איין נאמן, רואי חשבונות און בעלי תקנות, וועלכע ווערן אויסגעקליבן דורך וואַלמענער, פשרע לויטן גורל, פון דער קלפּי אין יעדן יאָר דעם שבת צו נאַכטס, וואָס נאָך שבועות.

ה. אַלע יאָר דעם שבת, וואָס נאָך שבועות, מוזן אַלע מיטגלידער פון דער חברה קומען דאַוונען שחרית און מוסף אין דער שטאָטישער גרויסער שול, וואָס דאָרט וועט אין דער צייט דאַוונען דער שטאָטישער חזן מיטן כאָר, יעדער מיטגליד ווערט דאָרט אויפגערופן צו דער תורה ווי ס׳פירט זיך.

---

*) דער „יעקאָפּאַ“-אַרכיוו פאַרמאָגט לויטן אינווענטאַר-בוך 478 נומערירטע און סיסטעמאַטיזירטע פעק מאַטעריאַלן מיט טויזנטער פּאַפּירן, דאָקומענטן, געריכטן, אַנקעטע-בויגנס, פאָטאָגראַפיעס און רשימות (חוץ אַ גאַנצער רייע טעקעס מיט קאָרעספּאָנדענץ און דאָקומענטן, פּראָטאָקאָלן און אַנדערע מאַטעריאַלן פון דער לויפנדיקער אַרבעט, וואָס ליגן נאָך אין אַרכיוו ניט אָפּגעגעבן געוואָרן).

אַ גרויסער טייל מאַטעריאַלן פון אַרכיוו איז שוין אויסגענוצט געוואָרן אין פאַרשיידענע אַרטיקלען פון אונזער פּנקס.

דאָ ברענגען מיר בלויז צוויי דאָקומענטן אין אָריגינאַל-איבערזעצונג פון אַזוי צו זאָגן קעגנגעזעצטן כאַראַקטער, — איינעם פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע וועגן לערנען פאַרוואָרלאָזטע קינדער מלאכה און אַ צווייטן פון די נייסטע צייטן, וועגן אַ הונגער-יאָר אין ווילנער געגנט.

רעד.

**) בעת די וואַלן פון פאַרוואַלטונג.

ה׳ בכל שבת קדש שאחר חג השבועות בכל שנה ושנה מחויבים כל בעלי החבורה לבוא להתפלל שחרית ומוסף בביהכ״נ הגדול דעירנו אשר שמה יתפלל הש״ץ דמתא עם המשוררים וכל אחד מבני החבורה יעלה לתורה כנהוג.

ו׳ על המנהלים מוטל החוב לדרוש מוצא לכסף על הוצאות הח״ק ולהתעסק בכל צרכי הח״ק במסירת הנערים לאומנים ובעלי מלאכות וכן לעשות הקאָנטראַקטין ביניהם ולחתום עליהם בח״י בעת ידי״ש מהם.

ז׳ הגבאים מחויבים להיות לעזר ולהועיל בכל צרכי הח״ק. היינו להשגיח בעינא פקיחא על קבלת הכסף בכל שבוע ושבוע ולבחור האנשים אשר יסבבו לקבץ כסף ההכנסה ודמי השבוע, ולהשגיח על הנערים כל עת היותם אצל האומנים שלהם כל משך הקאָנטראַקט.



שער-בלאַט פון פנקס פון דער חברה „שוקרי מלאכה", געגרינדעט אין נאָוואָגרודאָק אין יאָר תרל״ב (1872).

ח׳ הנאמן אשר יובחר יקבל ת״י כל הכסף הנאסף לטובת הח״ק ועליו מוטל להביא בחשבון ברור ההוצאה וההכנסה בספרי החשבונות אשר יהיו מונחים ת״י בסדר נכון ואין לו רשות להוציא הוצאה יותר מ״א רו״כ בלי ידיעת אחד מהמנהלים או מהגבאים, ומחויב להראות כל החשבונות בכל עת שידרשו מאתו.

ט׳ על בעלי התקנות להשגיח אשר הח״ק תתנהג עפ״י התקנה ויוכלו לתקן תקנות חדשות לפי העת והזמן עפ״י הסכם רוב דעות אנשי החברה.

י׳ רואי חשבונות יעשו חשבון עם הנאמן בדבר ההכנסה וההוצאה בחוהמ״פ ובחוהמ״ס, גם מחויבים בעת עשית הקלפי לעשות חשבון שנתי מההכנסה וההוצאה ולהודיע ברבים עפ״י דבוק חשבון כללי בכל בתי כנסיות ובתי מדרשות שבפה למען ידעו כל אנשי עירנו מתהלוכות החברה וממעשיה, והחשבון הכללי יכתב בפנקס לזכרון.

ו. די מנהלים זיינען דורכאויס פאַרפליכטעט אויסצוגעפינען פאַרשיידענע געלט-קוועלעס אויף די הוצאות פון דער חברה, אויך צו אינטערעסירן זיך מיט אַלע באַדערפענישן פון דער חברה, ווי אָפּגעבן די יינגלעך צו מאַך-לייט און בעלי-מלאכות, ווי אויך מאַכן די קאָנטראַקטן צווישן זיי און זיך אַליין אונטערשרייבן, ווען מ׳וועט פאָדערן פון זיי.

ז. די גבאים זיינען פאַרפליכטעט באַהילפיק זיין און נוצן ברענגען אין אַלע באַדערפענישן פון דער חברה ווי צב״ש: אויפמערקזאַם אַכטונג געבן אויף די געלטער, וועלכע ווערן אַריינגעפלאָסן יעדער וואָך, אויסקלייבן די פּערזאָנען, וועלכע זאָלן גיין צונויפזאַמלען די הכנסה-געלטער און דעם וואָכער-אָפּצאָל, אויך אַכטונג געבן אויף די לערן-יינגלעך פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי געפינען זיך אין רשות ביי זייערע מייסטערס און בעלי-מלאכות אין משך פון טערמין, וואָס איז אָנגעוויזן אין קאָנטראַקט.

ח. דער נאמן, וואָס ווערט אויסגעקליבן, דאַרף תיכּף איינקאַסירן די געלטער, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן לטובת דער חברה און איז דורכאויס פאַרפליכטעט אַריינצופירן מיט אַ קלאָרן חשבון די הוצאה און הכנסה אין די רעכענונגס-ביכער, וועלכע דאַרפן ליגן ביי אים אין דער געהעריקער אָרדענונג און ער האָט קיין רעכט ניט אַליין צו מאַכן אויסגאַבן, וואָס טרעפן אָן מער ווי אַ רובל — אָן דעם וויסן פון איינעם פון די מנהלים אָדער פון די גבאים. ער איז אויך פאַרפליכטעט צו ווייזן אַ רעכענונג, צו יעדער צייט, ווען מען פאָדערט עס פון אים.

שטעמפּעל פון דער חברה „שוקרי מלאכה" אין נאָוואָגרודאָק.

ט. די בעלי תקנות האָבן די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן, אַז די חברה זאָל געפירט ווערן לויטן גייסט פון רעגולאַמין, זיי קענען אויך אַריינברענגען מיטן הסכם פון אַ מערהייט שטימען פון די, וועלכע געהערן צו דער חברה, נייע פּונקטן און אויסבעסערונגען, וועלכע וועלן זיך בעסער צופּאַסן צו דער צייט.

י. די רואי חשבונות דאַרפן איבעררעכענען צוזאַמען מיטן נאמן די הוצאה- און הכנסה-געלטער, יעדער חול המועד פסח און חול המועד סוכות, אויך זיינען זיי פאַרפליכטעט — ביים דורכפירן די קלפי — צושטעלן אַ יערלעכן באַריכט פון דער הוצאה און הכנסה און פאַרעפנטלעכן אים דורך אויסהענגען אין אַלע בתי-מדרשים און קלויזן, כדי די גאַנצע באַפעלקערונג זאָל זיך קענען אינפאָרמירן וועגן דער פירונג און טעטיקייט פון דער חברה, און דער באַריכט מוז ווערן פאַרצייכנט אין פנקס צום אָנדענקען.

יא. ווען ס׳קומט די צייט אָפּצוגעבן קינדער צו מאַך-לייט און בעלי-מלאכות, דאַרפן צונויפגערופן ווערן די מיטגלידער פון חברה, ווי ס׳איז אויבן דערקלערט געוואָרן, און זיי דאַרפן פאַרהערן די יינגלעך און לייגן אַכט אויף זייערע פעאיקייטן און עלטער, כדי צו וויסן צו וועלכער אַרבעט זיי וועלן זיין צוגעפּאַסט און פעאיק.

י״א בהגיע התור למסור הנערים לאומנים ובעלי מלאכה אזי מחויבים להתקבץ כל אנשי החברה המבוארים לבחון הנערים ולשים עין על כשרונותיהם ושנותיהם למען ידעו לאיזה מלאכה המה ראוים ומוכשרים.

י״ב אם יתקבצו נערים רבים אשר לא תהי׳ ביכולת הח״ק לתת כלם לבעלי מלאכה אזי משפט הבכורה לנערי עירנו החוזרים על הפתחים, יתום מאב ואם קודם לכל, יתום מאב או מאם קודם לשאינו יתום, ואם לא יהי׳ להנערים דין קדימה זה על זה אזי יוטל גורל ביניהם וכל מי שיזכה בגורל ימסר לבעלי מלאכה כפי תקנות החברה, ואם ימצא נער שניכר בו כשרונות טובים לאומנות או למלאכה אזי רשות בידי המנהלים והגבאים לתת לו דין קדימה כפי ראות עיניהם.

י״ג אין רשות להח״ק למסור נער לבעל מלאכה יותר מעל ארבע שנים.

י״ד הח״ק מחויבת ליתן להבעל מלאכה הכסף הנדרש בעד למוד המלאכה כפי אשר יתפשרו ע״י קאנטראקט שנכתב בפנקס הח״ק וכן מחויבת להלביש ולהנעיל את הנערים כל משך הקאנטראקט, והכסף אשר יוחזר מהבעל מלאכה כפי הקאנטראקט שייך להחברה.

ט״ו הח״ק מחויבת לשכור מלמד עבור הנערים שיהי׳ אצל הבע״מ, ללמוד אתם בכל שבת ויו״ט תורה או חיי אדם לכל נער ונער כפי הראוי לו.

ט״ז טוב מאוד זה המות ויבולע המות לנצח, אם יעדר ח״ו אחד מאנשי הח״ק מחויבים כל בני הח״ק ללוותו לבית עולמים ולהתפלל בבית הנעדר כל ימי שבעה למען יהי׳ מרגוע לנפשו הטהורה ומחה ד׳ דמעה מעל כל פנים. אמן סלה ועד.

אלה הם התקנות אשר קבלו עליהם החתומים מטה, הלא המה בכתובים, ויזכו כל החתומים פה באריכות ימים ושנים והיו מעשי הצדקה שלום וד׳ ישפות שלום להם. ויקוים בהם הכתוב: ד׳ אלקים יצמח צדקה ותהלה נגד כל הגוים, ויהי כנהר שלומך וצדקתך כגלי הים. באנו עהח״מ היום יום אלף ששה ימים לחודש כסלו שנת י״ת״ב״ר״ך.

נאום נאום

דא קומען 2 רייען אונטערשריפטן, וואס דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען ניט לעזבאר. צוזאמען באטרעפן זיי 88.

תקנה י״ז נוספה בהסכם מנהלי הח״ק יום ד׳ 26 אייר שנת תרמ״א לפ״ק

י״ז אם תסתפחנה אל הח״ק בנות נדיבות ותקבלנה עליהן כל התקנות המבוארות מעל״ד אזי תעשנה להן פנקס מיוחד אשר יהי׳ חלק שני מהפנקס הזה ותוכלנה לחוות דעתן בעניני הח״ק כמונו.

נאום רב הממשלה ח. יעלין

נאום . . . . (ניט לעזבאר)

נאום חיים ב״ר אברהם משה אשעלאווסקי

נאום נחום קאבאק

נאום מיכל קאבאק

יב. אויב ס׳וועט זיך אנקלייבן א גרויסע צאל קינדער, וואס די חברה וועט ניט האבן די מעגלעכקייט אפצוגעבן זיי אלעמען צו בעלי-מלאכות, דאן מוז מען אומבאדינגט אין דער ערשטער ריי אפגעבן צו בעלי-מלאכות די שטאטישע יינגלעך, וועלכע גייען בעטלען איבער די הייזער. א יתום אן א פאטער און מוטער איז בילכער פון אלעמען, א יתום אן א פאטער אדער אן א מוטער איז בילכער ווי ניט קיין יתום. אין פאל, ווען ס׳וועלן ניט זיין אזעלכע בארעכטיקטע, דארף מען ווארפן גורל צווישן די יינגלעך און די, וועלכע וועלן זוכה בגורל זיין, וועלן אפגעגעבן ווערן צו בעלי-מלאכות לויטן רעגולאמין פון דער חברה. אויב ס׳וועט זיך אפזוכן א יינגל מיט גוטע פעאיקייטן און נייגונגען צו א וועלכן ניט איז פאך אדער ארבעט, דאן האבן די מנהלים און גבאים דאס רעכט לויט זייער איינזען צו נעמען אים אין א פריערדיקע ריי.

יג. די חברה האט ניט קיין רעכט אפצוגעבן א יינגל צו א בעל-מלאכה אויף א טערמין לענגער ווי 4 יאר.

יד. די חברה איז פארפליכטעט צו צאלן דעם בעל-מלאכה א סומע געלט וויפיל ס׳פאדערט זיך פאר אויסלערנען דעם פאך, לויט ווי ס׳איז אפגעמאכט געווארן אין קאנטראקט, וואס ווערט פארשריבן אין פנקס פון דער חברה און איז אויך פארפליכטעט שוכן און קליידן די יינגלעך די גאנצע צייט, וואס איז אנגעוויזן אין קאנטראקט. דאס געלט, וועלכע ווערט צוריק אויסגעצאלט פון די בעלי-מלאכות לויטן קאנטראקט, געהערט צו דער חברה.

טו. די חברה איז מחויב צו דינגען א מלמד—פאר די יינגלעך, וואס וועלן זיך לערנען ביי בעלי-מלאכות—ער זאל לערנען מיט זיי תורה אדער חיי אדם, מיט יעדן יינגל ווי ס׳פאסט פאר אים.

טז. באשערט איז דער טויט, און דער טויט זאל איינגעשלונגען ווערן אויף אייביק. אויב ס׳וועט חס ושלום שטארבן א מיטגליד פון דער חברה, זיינען פארפליכטעט אלע מיטגלידער פון דער חברה באגלייטן אים צו זיין אייביקע רו און דאווענען אין הויז פון פארשטארבענעם די שבעה-טעג, כדי ס׳זאל זיין א רו פאר זיין הייליקער נשמה. און גאט זאל אפווישן די טרערן פון אלע געזיכטער אמן סלה ועד.

דאס זיינען די תקנות, וואס האבן אנגענומען די אונטן-אונטערגעשריבענע, וועלכע זיי זיינען אלע פארשריבן, און זאלן זוכה זיין אלע, וואס זיינען דא אונטערגעשריבן, מיט לאנגע יאר. און זאל די וואוילטעטיקע ארבעט זיין א פרידלעכע און גאט זאל זיי באגנעדיקן מיט פרידן, און זאל אויף זיי מקוים ווערן ווי אין פסוק שטייט: „ד׳ אלקים יצמח צדקה ותהלה נגד כל הגוים ויהי כנהר שלומך וצדקתך כגלי הים״. מיר אלע שרייבן זיך אונטער היינט, זונטאג דעם 6-טן טאג אין חודש כסלו אין יאר י״ת״ב״ר״ך (תרל״ב — 1872).

דא קומען 88 אונטערשריפטן.

פונקט יז. א הוספה מיטן הסכם פון די אנפירער פון דער חברה מיטוואך דעם 25-טן אייר אין יאר תרמ״א לפ״ק (1881).

יז. אויב ס׳וועלן אריינטרעטן אין דער חברה פרויען און וועלן אננעמען די אלע תקנות, וואס זיינען דערקלערט געווארן אויף דער פאריקער בלאט, דאן דארף מען פאר זיי מאכן א באזונדערן פנקס, וואס וועט זיין א צווייטער טייל פון דעם פנקס און זיי וועלן קענען ארויסזאגן זייער מיינונג אין די ענינים פון דער הייליקער חברה צוגלייך ווי מיר.

2. דער הונגער אין ווילנער פּראָווינץ אין יאָר 1929.

וועגן דער אומגערעטעניש און אַרויסגערופענעם דורך איר הונגער אין אַ טייל פון ווילנער געגנט אין יאָר 1929, וואָס וואַרפט אַ שיין בכלל אויף דעם שווערן, תמיד אומזיכערן און אָפּהענגיקן עקאָנאָמישן מצב פון דער שטעטלשער יידישער באַפעלקערונג, האָבן מיר שוין דערמאָנט אין איניקע ערטער פון פּנקס (זע ז. 359—360 און 451—453).

דאָ ברענגען מיר אַ פּאָר באַריכטן פון יענער צייט, וואָס דער באַפולמעכטיקטער פון „יעקאָפּאָ" האָט צונויפגעשטעלט אויף די ערטער און צוגעשיקט אין קאָמיטעט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַטרעפנדער הילפס-אַקציע און אויספאָרשונג פון דעם מצב.

ר ע ד.

די לאַגע אין דיסנער קרייז איז צוליב די פאָלגן פון דער שרעקלעכער אומגערעטעניש פון פאַריקן זומער ממש אַ קאַטאַסטראָפאַלע. עטוואָס בעסער איז די לאַגע אין דעם סאַמע דרומדיקן טייל פון דעם קרייז (גלובאָקער געגנט). דאָרטן איז די גערעטעניש לגבי דעם גאַנצן איבעריקן קרייז געווען מיט אַ 50—100 פּראָצענט בעסער. אָבער אויך דאָרטן האָט שוין לאַנג די דאָרפישע באַפעלקערונג קיין אייגענעם ברויט ניט. וואָס איז נוגע דעם איבעריקן גרעסטן טייל פון דעם קרייז – איז אַלץ, וואָס מ'האָט פאַרזייט אויף די פעלדער, פאַרלאָרן געגאַנגען. אַפילו די פּויערים, וואָס האָבן צו 2—2 וואָלאָקעס (25—35 העקטאַר) ערד, הונגערן אויך. זיי פאַרקויפן אויס זייערע פי (פיל קי זיינען געפאַלן צוליב די פרעסט אויף די פיס, און טויגן שוין סיי-ווי-סיי צו גאָרניט אין דער ווירטשאַפט) צו ביליקע פּרייזן, כּדי ווי עס איז צו דערהאַלטן די נשמה. פאַרן געלט, וואָס זיי באַקומען, קויפן די פּויערים קאָרן, וועלכע מ'פירט צו אַהער פון פּויזן. איצט האָבן זיי שוין גענומען אַרויספירן אויף די מערק (אין דיסנע און אין דאָקשיץ) מלבושים, שטיוול, ווי אויך שטוב-חפצים (סאַמאָוואַרן, קישנס א. אַז. וו.). אָבער אויף די אַלע זאַכן זיינען ניטאָ קיין קונים. מוזן עס די פּויערים פירן צוריק אַהיים, פאַרלירנדיק אַזוי-אַרום די האָפענונג צו קענען עס אויסבייטן אויף ברויט. קיין זייטיקע פאַרדינסטן האָט היינטיקס ווינטער דער פּויער אויך ניט. דער וואַלד-מסחר, דער פּריוואַטער, איז כּמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די רעגירונגס-וועלדער ווערן געאַרבעט „גאָספּאָדאַרטשים ספּאָסאָבעם", ד. ה. אויף דער אייגענער רעכענונג, אונטער דער אָנפירונג און השגחה פון די „לעסניטשעס". די רעגירונג, פאַרשטייט זיך, איז ניט אויף אַזויפיל פאַראינטערעסירט, ווי אַ פּריוואַטער וואַלד-סוחר, וועלכער מוז האָבן גלייך דאָס געלט, אום, וואָס עס זאָל ניט קאָסטן, אַבי נאָר אַרויספירן די סחורה פון וואַלד. היינטיקס ווינטער איז עס, אגב, זייער אַ שווערע אויפגאַבע. אַלע וועגן זיינען פאַרשאָטן מיט אַ טיפן שניי. איך בין געפאָרן אין אַ לייכטן שליטן פון דער סטאַנציע זיאַבקי קיין דיסנע (35 קמ.) גאַנצע 8 שעה. די אויסגעפאָרענע וועג איז הויך און שמאָל. די אמתע צרה איז, ווען עס קומט אויס זיך צו מיידן מיט אַנטקעגנדיקע פורן. אונזער פערד האָט ביים מיידן זיך 2 מאָל זיך ממש דערטרונקען אין שניי, און נאָר מיט גרויס מי האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן. די דערפער זיינען איבער די דעכער פאַרשאָטן מיט שניי, און אין די וועלדער, וואו עס ליגט דאָס האָלץ-מאַטעריאַל, איז ממש ניט צוצוקומען. די הויפּטזעלעכע און כּמעט איינציקע פּרנסה פון היגן פּויער אין ווינטער, די „וואָזקע", האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעהאַקט. דאָ, אין גאַנצן דיסנער קרייז, איז שטאַרק אַנטוויקלט די פלאַקס- און זוימען-פּראָדוקציע און דער מסחר מיט די דאָזיקע אַרטיקלען. כּמעט יעדער פּויער פלעגט אין משך פון ווינטער אַרויספירן אויפן מאַרק צום פאַרקויפן אַ 10 בערקאָוועץ (40 פּוד) פלאַקס, פאַר וועלכע ער פלעגט אָפּלייזן פון 2.500 ביז 3.000 זל. דאָס גאַנצע געלט פלעגט ער לאָזן אין שטאָט, איינשאַפנדיק זיך פאַר דעם אין די קראָמען מלבושים, שוכוואַרג און אַלץ, וואָס איז אים נייטיק אין דער ווירטשאַפט. אין פאַריקן זומער איז דער פלאַקס אויפן פעלד טיילווייז צעפוילט און טיילווייז אויסגעפראָרן געוואָרן. די גערעטעניש פון פלאַקס איז אין 4 מאָל קלענער ווי אין אַ געוויינלעכן יאָר, און דער פלאַקס אַליין איז פון דעם געמיינסטן סאָרט. אויף דעם מין פלאַקס זיינען כּמעט קיין קונים ניטאָ. אין בעסטן פאַל קען דער פּויער אָפּלייזן פאַר אַ בערקאָוועץ פלאַקס 25—30 זל. זיין הכנסה פון דעם וויכטיקסטן פּראָדוקט, וועלכן די ערד גיט דאָ אַרויס, האָט זיך פאַרקלענערט כּמעט ווי אין 50 מאָל לגבי אַ געוויינלעכן יאָר. די דאָזיקע הכנסה גיט אים איצט ניט אַפילו די מעגלעכקייט צו פאַרזאָרגן די פאַמיליע מיט ברויט און די פי מיט פוטער, שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז ער זאָל עס קענען פאַרווענדן אויף אַנדערע נייטווענדיקייטן (מלבושים, שיך א. אַז. וו.). דערביי מוז באַמערקט ווערן, אַז לעבנסמיטל-פּראָדוקטן, און דערהויפּט פוטער פאַר פי, האַלטן דאָ זייער שטייף אין פּרייז, ווייל דער געגנט אַליין האָט היינטיקס יאָר גאָרניט געגעבן פון די אַלע פּראָדוקטן, און מען מוז עס ברענגען ווייט פון דער פרעמד. ליידט סאַקע די דאָרפישע באַפעלקערונג (אין איר גרעסטן טייל) נויט און הונגער. צוליב דער שלעכטער דערנערונג און שטרענגען ווינטער איז צווישן איר שטאַרק פאַרשפּרייט די גריפּע און לונגען-אַנצינדונגען (אין דאָקשיצער גמינע). ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן אויף דער סטאַנציע פּאָדסוויליע, זיינען פאַראַן אין אַ טייל דערפער אויך פאַלן פון פלעקטיפוס, אַזוי, אַז פיל פּויערישע פאַמיליעס קלייבן זיך אַריבער פון זייערע דערפער, וואו עס הערשט די מחלה, אין פרעמדע, מורא האָבנדיק פאַר אַן אָנשטעקונג.

וואָס עס איז נוגע דער יידישער באַפעלקערונג האָבן די פאָלגן פון דער אומגערעטעניש אויך איר, כאָטש אומדירעקט, נאָר זייער שווער געטראָפן. סיי די פּראָסלער (די אויפקויפער פון פלאַקס און תבואה, די פאַרמיטלער צווישן פּויער און גרויסן סוחר) און טרעפלער (די, וואָס אַרבעטן אויס דעם פלאַקס), סיי די קרעמער, האַנטווערקער, קאַראַבעלניקעס, פורמאַנעס א. אַז. וו. — אַלע ליידן גלייך פון שווערן קריזיס, און אַלע געפינען זיך ממש אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן מצב.

אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דיסנער קרייז זיינען פאַראַן אַ גרויסע צאָל יידישע פּראָסלער און טרעפלער. אין דיסנע, למשל, אַ שטאָט, וואו עס וואוינען ביי אַ 600 יידישע פאַמיליעס, האָבן אַ פערטל פון זיי, ד. ה. ביי אַ 150 פאַמיליעס געלעבט פון טרעפלעריי. אין יעדער פאַמיליע האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם 2—3 פּערזאָן. דער פאַרדינסט פון אַ טרעפלער האָט זיך געוואָקלט פון 3 ביז 8 זל. אַ טאָג, אָפּהענגיק פון דער אַרבעטספעיקייט און דער ספּעציאַליטעט אין דער אַרבעט. די טרעפלער און פּראָסלער האָבן געוויינלעך אין דער סעזאָן-צייט, אומגעפער פאַר 6—7 חדשים, פאַרדינט אויף אַ גאַנצן יאָר חיונה. איצט שטייען זיי אַלע זייער שלעכט. מ'האָט ניט אויפן טאָג לעבן. מ'זיצט אָן ברויט און אָן

האָלץ. זייער אָרעמקייט און דחקות איז ממש ניט צו באַשרייבן. די פּראָסלער שטייען נאָך ערגער דערמיט, וואָס זומער-צייט האָבן זיי צעטיילט דאָס ביסל אייגענע און נאָך מער פרעמדע געלט די פּויערים, אַלס אויסבאָבן אויף די גייע תּבואות פון דער נערעטעניש פון מאַריקן זומער. אָם ענדע האָבן די פּויערים ניט געקענט אָפּגעבן ניט קיין תּבואה און ניט קיין געלט, וואָס איז ביי זיי געבליבן שטיין אַלס חוב, וועלכער וועט ביי אַ גרויסן טייל פון די פּויערים אינגאַנצן פאַרלאָרן גיין. אויך האָבן די פּראָסלער אין אָנהויב פון הייַיאָריקן סעזאָן איינגעקויפט פאַר מזומן גרעסערע אָדער קלענערע פאַרטיעס פלאַקס, ניט פאַראויסזעענדיק, אַז צוליב זיין שלעכטער קוואַליטעט וועט ער ניט האָבן קיין אָפּזאַץ. די סחורה ליגט נאָך עד-היום ביי זיי. ניט האָבנדיק פּשוט קיין ברויט און שטוב און זייענדיק באַלאַסטעט מיט גרויסע חובות, וועלכע מען מאָנט ביי זיי שטאַרק, נעמען זיי זיך איצט אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע.

די בעלי-מלאכות אין די אַ״ע פונקטן פון דיסנער קרייז, וועלכע איך האָב באַזוכט, זיצן שוין זינט האַרבסט 1928 יאָר אָן אַרבעט. די בעסטע בעלי-מלאכות, וועלכע האָבן ביז היינטיקס יאָר גוט פאַרדינט און האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט פון נויט, זיצן שוין חדשים לאַנג אָן ברויט און אָן האָלץ. אויסבאַקן אַ גאַנצן געבעק ברויט פאַרמאָגט קיינער ניט. מ'קויפט צו איינציקע קילאָס מעל און מ'באַקט פון דעם פלעצלעך אויף וואַסער. דער פאָרזיצער פון דאָקשיצער האַנטווערקער-פאַראיין האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דער לאַגע פון די אָרטיקע יידישע בעלי-מלאכות שוידערלעכע פּרטים. אויך אין די אַלע איבעריקע שטעטלעך פון דיסנער קרייז איז דער מצב פון די האַנטווערקער דערזעלבער, ווי אין דאָקשיץ.

דער מצב פון די קרעמער איז אויך אַ קריטישער. די פּויערים קויפן קיין זאַך ניט אויסער לעבנס-מיטל-פּראָדוקטן. אין משך פון כמעט דעם גאַנצן ווינטער זיינען קיין מערק ניט פאָרגעקומען, צוליב די מוראדיקע פרעסט און שניי-זאַווערוכעס. די קראָמען טראָגן אַפילו ניט אויף אַ פערטל חיונה. און אַזוי ווי לעבן מוז מען, אויך מוז מען צאָלן גרויסע שטייערן (אויב מ'צאָלט ניט, שרייבט גלייך אָפּ דער סעקוועסטראַטאָר די סחורה אין קראָם) — האָבן ס'רוב קרעמער שוין לאַנג אויפגעגעסן דעם קליינעם אייגענעם קאַפּיטאַל, און מען לעבט איצט אויף פרעמדע געלט (אויף די געלט פון די פרעמדע קרעמער, ביי וועלכע מען נעמט סחורה, אָדער פון די מלווים, ביי וועלכע מ'האָט גענומען הלוואות אויף פּראָצענט). די באַקאַנטע פּויערים, די פריערדיקע קונדן אין קראָם, שטייען צו מ'זאָל זיי געבן די סאַמע נייטיקסטע אַרטיקלען אויף קרעדיט, ביז דער קומענדיקער געראָטעניש. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די יידישע קרעמער זיינען לגמרי ניט ביכולת צו אַנטקעגנקומען זייער פאַרלאַנג. דאָס רופט אַרויס אַ שנאה פון הונגעריקן פּויער צום יידישן קרעמער, וועלכן ער האַלט פאַר רייך, ווייל ער זעט ביי אים אין קראָם מעל און גרויפּן, צוקער און זאַלץ וכדומה נאָך אַזעלכע אַרטיקלען, וועלכע דער פּויער נאַרט זייער צו האָבן, אָבער וועלכע ער האָט קיין שום מעגלעכקייט ניט אָן געלט צו באַקומען.

פון די פאָלגן פון דער אומגערעטעניש ליידן אויך די קאַראַבעלניקעס, פורמאַנעס א. אַז. וו. די ערשטע האָבן איצט ניט וואָס צו טאָן אין דאָרף, צוליבן הונגער און אָרעמקייט פון פּויער. צוליבן שטילשטאַנד אין פלאַקס-מסחר, ווי אויך צוליב דעם אַלגעמיינעם שווערן קרעדיט אין האַנדל, האָבן אויך די פורמאַנעס איצט ניט קיין אַרבעט. אַזוי-אַרום האָט דער קריזיס אַלעמען, אָן אויסנאַם פון וואָסער באַשעפטיקונג אָדער פאַך ער איז, שווער געטראָפן.

אויסערדעם, זיינען דאָ כמעט אין אַלע שטעטלעך מענטשן, וואָס האָבן פריער געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטע אין דער האָלץ-בראַנזשע, און איצט זיינען זיי אַרבעטסלאָז. דער פּריוואַטער האָלץ-מסחר האָט זיך אָפּגעשטעלט צוליב דעם, וואָס מ'גיט דאָ ניט אַרויס קיין נייע דערלויבענישן אויף צו האַקן וועלדער. און די רעגירונג צו דער אַרבעט אין אירע וועלדער באַניצט זיך מיט אירע אייגענע מענטשן. אַ טייל פון די פריערדיקע אָנגעשטעלטע לעבן דערווייל פון די אָפּשפּאָרונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער גוטער צייט, ווען זיי האָבן נאָך געהאַט אַרבעט, וועלכע ווערט גוט באַלוינט אין דער דאָזיקער בראַנזשע. אָבער צווישן זיי זיינען שוין פאַראַן אויך אַזעלכע, וועלכע לעבן אין אַ שרעקלעכער נויט און אָרעמקייט.

באַזונדערס שלעכט איז די לאַגע אין דיסנע און דאָקשיץ. די יידישע באַפעלקערונג אין די ביידע שטעט איז אַ גאַנץ באַדייטנדע, איבער 2.000 נפשות אין יעדערער. צוליב דער נאָענטקייט פון גרעניץ (דיסנע ליגט אויף דער סאָמער סאָוועטישער גרעניץ און דאָקשיץ 5 קמ. ווייט פון איר), זיינען די ביידע שטעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויטע פונקטן. צוויי דריטל פון זייער סביבה, פון וועלכער יעדער גרעסערער פונקט ציט געוויינלעך זיין השפּעה, איז אָפּגעשניטן דורך דער גרעניץ. דער צופאָר צו זיי איז זייער אַ קליינער, און דער אָרטיקער מסחר איז שטאַרק באַגרענעצט. דיסנע, אויסערדעם, ליגט איצט ווייט פון אַ באַן-סטאַנציע (פאַר דער מלחמה 12 קמ., איצט ביי 40 קמ.), און 4 חדשים אין יאָר (2 אין פרילינג און 2 אין האַרבסט) איז זי אַזוי ווי אָפּגעשניטן (ווייל דער גאַנצער געגנט אַרום איר איז אַ ליימיקער און אַ זומפּיקער) פון דער גאַנצער וועלט. דאַן איז אַלץ ווי אָפּגעשטאַרבן, מ'זעט ניט קיין פּויער אין שטאָט, ס'קומען אויך ניט פאָר קיין מערק, און אַלע — קרעמער, קליינהענדלער און האַנטווערקער — זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן. דער האָלץ-ספּלאַוו איבער דער דיסנענקע און דווינע, וועלכע פלעגט פריער אַריינברענגען אין שטאָט אַלע יאָר אַ 20.000 (צוואַנציק טויזנט) זל. ריינעם ריוח, איז אין די לעצטע צוויי יאָר געווען אַ נישטיקער, און ער וועט אויך אויף להבא בלייבן אַזעלכער, צוליב דעם, וואָס מ'גיט דאָ ניט קיין נייע דערלויבענישן אויף צו האַקן וואַלד.

די אָרטיקע הילף פאַר די געפאַלענע פאַמיליעס ווערט געטאָן און געגעבן לויט דעם אַמאָליקן יידישלעכן שטייגער: דורך פאָרן, וועלכע זאַמלען איבערן שטאָט נדבות פאַר דעם אָדער יענעם געפאַלענעם בעל-הבית. אַ גרויסע צאָל אַזעלכע זאַמלער-פאָרן באַזוכן טאָג-טעגלעך יעדע יידישע הויז. פאַר וועמען עס ווערן געקליבן די נדבות — בלייבט אַ סוד פון די זאַמלער, און נאָר זעלטן ווייסן וועגן דעם נאָך אַ פּאָר זייטיקע מענטשן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דיסנע זיינען זאָגאַר געווען פאַלן, וועגן וועלכע מ'האָט זיך נאָכדעם דערוואוסט, אַז די זאַמלער האָבן געזאַמלט די נדבות נאָר פאַר זיך אַליין. קיין שווינדל זיינען זיי אָבער, חלילה, דערמיט ניט באַגאַנגען, ווייל די זאַמלער מיט זייערע פאַמיליעס זיינען אַליין אַמשווערסטן געטראָפן פון קריזיס, און זיצן שוין לאַנג אָן ברויט און אָן האָלץ.

אין דיסנע איז אויסער דעם מין הילף, וועלכן איך האָב אויבן באַשריבן, אָרגאַניזירט געוואָרן אויך אַ שטאָטישע געזעלשאַפטלעכע רעטונגס-אַקציע, וועלכע אַרבעט אונטערן נאָמען „בית-לחם". מיט דער הילפס-אַקציע פירט אָן אַ קאָמיטעט פון עלטערע און יינגערע מענטשן.

די אַקטיווע אַרבעטער זיינען אָבער אַלע פון דער יוגנט. די שטאָט איז איינגעטיילט אין 6 קוואַרטאַלן. יעדער קוואַרטאַל ווערט באַאַרבעט פון אַ באַזונדער פּאָר פון דער יוגנט, וועלכע באַזוכן אַלע דאָנערשטאָג די הייזער, וואו מ'קען נאָר עפּעס באַקומען פאַר דער אָרעמקייט: ברויט, גרויפּן, הערינג, צוקער, ציקאָריע, זאַלץ, פלייש, מילך א. אַ. וו. ווי אויך מזומן-געלט. פרייטאָג פרי ווערט עס אַלץ פאַרטיילט אין לאָקאַל פון קאָמיטעט. אָרעמע, וואָס גייען אַליין איבער די הייזער, קענען גאָרניט באַקומען אין „בית לחם״. ביי אַ 70 פאַמיליעס איז די לעצטע וואָך אַרויסגעגעבן געוואָרן שטיצע פון „בית לחם״. פאַר יעדער פאַמיליע איז איינגעטיילט געוואָרן 5—7 פונט ברויט, צו עטלעכע ווייצענע בולקעס, צו פאַר הערינג א. אַ. וו. פלייש און מילך גיט מען נאָר פאַר קראַנקע. אויסער די פאַמיליעס, וואָס קומען נעמען די שטיצע, ווערט נאָך אַ באַוואוסטער צאָל פאַמיליעס די שטיצע אַריינגעשיקט אין שטוב אַריין. פאַראַן אַזעלכע, וועלכע קענען בשום אופן ניט גובר זיין זייער בושה-געפיל און זיינען ניט אימשטאַנד אויסצושטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה. ווי די זאַמלער האָבן מיר איבערגעגעבן, זיינען געווען פאַלן, ווען מען האָט זיי אין איניקע פאַמיליעס אָפּגעגעבן פאַרן „בית-לחם״ דאָס לעצטע, וואָס עס איז געווען אין שטוב, וועגן וואָס זיי האָבן זיך ערשט נאָכדעם צופעליק דערוואוסט. אין דיסנע האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף גאַנצע גאַסן (דער וואוינאָרט פון די יידישע טרעפּלער, פּראָסלער, קאַראַבעלניקעס א. אַז. וו.), די איינוואוינער פון וועלכע עס הונגערן. אָבער ווער ווייס, ווי האַלט עס מיט אַ טייל קרעמער און הענדלער, וועלכע די גרויסע שטייערן און דער שווערער קריזיס האָבן פולשטענדיק צערואינירט? אין דאָקשיץ, למשל, איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט דער לאַגע פון אַ פּאָר קרעמער, וועלכע, ווי מיר איז באַוואוסט געווען, האָבן נאָך מיט 3—4 יאָר צוריק געפירט גרויסע געשעפטן און זיינען געשטאַנען זייער גוט. איצט האָט זיי דער קריזיס און די שטייערן אויף אַזויפיל צערואינירט, אַז אויב זיי זאָלן דאַרפן אויסצאָלן אַלע חובות, וואָס זיי זיינען שולדיק, דאַן וועט אויסער דאָס ביסל סחורה, וואָס זיי האָבן נאָך אין קראָם, ניט זיין גענוג אויף דעם, ווען אַפילו זיי וועלן פאַרקויפן זייערע הייזער און דאָס גאַנצע ביסל באַלעבאַטישקייט זייערע. קיין לייזונג איז אַבסאָלוט ניטאָ, און אויף צו צאָלן אַ וועקסל לייגט מען אַוועק די גאַנצע כּוחות. אָפּשטעלן זיך צו צאָלן קען מען אָבער ניט, ווייל דאַן וועט קיינער אַפילו אַ פוּר מעל ניט באָרגן, און מ'וועט אויסגיין ממש פון הונגער. די מורא, אַז לייט זאָלן זיך ניט דערוויסן וועגן דעם אמתן מצב איז ביי זיי אַזוי גרויס, אַז אַפילו אין דער אייגענער שטוב, איבערגעבנדיק מיר די פּרטים פון זייער לאַגע, האָבן זיי גערעדט שטילערהייט, און מ'האָט פריער אַרומגעקוקט די צימערן, צי איז דאָ ניטאָ ווער עס איז אַ פרעמדער ביי די קינדער. די פרוי פון איינעם פון די קרעמער האָט מיר געזאָגט, אַז זי זעט פאַר זיך נאָר איינאיינציקן אויסגאַנג פון זייער לאַגע — „פון בריק און אין וואַסער״ — ווייל די אַרטיקע קריסטן, וועמעס געלט זיי האַלטן אויף פּראָצענט, וועלן סיי-ווי-סיי דערגיין זיי דעם לעבן. אַ געוועזענער אָנגעשטעלטער ביי דער האָלץ-בראַנזשע, וועלכער איז שוין מער ווי 6 חדשים אַרבעטסלאָז, ביי וועמען די גאַנצע פאַמיליע האָט איבערגעקרענקט אויף אַ שווערער גריפּע און וועמען מ'טרייבט איצט פון דער דירה, ווייל ער האָט ניט מיט וואָס צו צאָלן דירה-געלט, האָט פאַר מיר זיך אויסגעדריקט אויך אויף אַזאַ אופן, אַז אויסער אַ „שטריקל״ זעט ער ניט פאַר זיך קיין ישועה. אין דאָקשיץ איז מיט 3 חדשים צוריק אָנגעקומען פון אַמעריקע 300 דאָלאַר אויף דרינגענדע הילף און מ'האָט די סומע צעטיילט צווישן 150 אָרעמע פאַמיליעס. אָבער אַזעלכע פאַמיליעס, וועגן וועלכע איך דערצייל דאָ, און וועלכע זיינען פאַראַן געוויס אין שטעטל ניט ווייניק, האָבן פון די שטיצע-געלט גאָרניט באַקומען, ווייל זיי זיינען ביי קיינעם ניט פאַררעכנט פאַר אָרעמע. אויך האָט מען זיי געוויס ניט אַריינגעשטעלט אין צעטל פון די נויטבאַדערפטיקע, וועלכן דער אָרטיקער מאַגיסטראַט האָט צונויפגעשטעלט און אין וועלכן עס זיינען אַריין ביי אַ 150 יידישע פאַמיליעס. לויט אַלץ, וואָס מ'הערט זיך אָן אין די שטעטלעך פון דיסנער קרייז, דערהויפּט אָבער אין דאָקשיץ און דיסנע, קען מען מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז איבער 50 פּראָצ. פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם קרייז זיינען דערגאַנגען ביז דער לעצטער מדרגה פון אָרעמקייט, פאַר וועלכע עס שטייט איצט אין איר גאַנצער האַרבקייט די פראַגע פון טעגלעכן ברויט.

ש. כּהן.

דיסנע, 16 מערץ 1929.

מיט ניי-פּאָהאָסט האָב איך פאַרענדיקט מיין רייזע איבער בראַסלאַווער קרייז. דער קרייז האָט פיל מער געליטן פון דער אומגערעטעניש, ווי דער סווענציאַנער. אַלץ, וואָס מען האָט פאַרזייט אין האַרבסט 1927 יאָר (קאָרן) און אין פרילינג 1928 יאָר (זומער-תּבואות, קאַרטאָפל, פלאַקס א. אַ. וו.), איז פאַרלאָרן געגאַנגען. אַפילו היי און אַנדערע פוטער-גראָזן זייגען ניט געוואַקסן. די פויערשע באַפעלקערונג זיצט שוין פון האַרבסט אָן ברויט און קאַרטאָפל. דאָס פי הונגערט. די קי פאַלן פון שוואַכקייט אויף די פיס, און מ'פאַרקויפט זיי פאַר די פעל. כּדי דאָס אויסגעהונגערטע פי זאָל ניט אומקומען פון די שטאַרקע קעלטן, האָט די פויערשע באַפעלקערונג עס אַריינגענומען צו זיך אין די הייזער אַריין. אַלע מענטשן, קי, שעפּסן, און חזירים וואוינען צוזאַמען. די ענגשאַפט און שמוץ אין די הייזער איז דעריבער אַ שרעקלעכע. צוזאַמען מיטן הונגער רופט עס אַרויס עפּידעמישע קראַנקייטן. שוין אין סווענציאַנער קרייז האָט מען מיר איבערגעגעבן וועגן פאַלן פון פלעקטיפוס אין די דערפער. איצט האָב איך געהערט וועגן אַזעלכע פאַלן אין בראַסלאַווער קרייז (אין מיאָרער גמינע). די באַוואוסטע פאַלן זיינען, אמת, איינצלנע. אָבער ווער קען עס וויסן, וואָס עס טוט זיך אין די פאַרוואָרפענע דערפער, צווישן דער שרעקלעך פאַרהונגערטער און פאַראָרעמטער פויערשער באַפעלקערונג, וואָס האָט אַפילו ניט די מעגלעכקייט צו ווענדן זיך צו אַ דאָקטער נאָך מעדיצינישער הילף.

די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך פון בראַסלאַווער קרייז, וואָס איך האָב באַזוכט, איז ממש אַ פאַרצווייפלטע. דירעקט זיינען געטראָפן פון קריזיס די יידישע קאָלאָניסטן ערד-אַרבעטער, וועלכע וואוינען אין די צוויי גרעסערע יידישע ערד-אַרבעטער-קאָלאָניעס דרויסק און דובינאָווע, ווי אויך אין אַלע שטעטלעך און אין פיל ישובים פון דעם קרייז. דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטן האָבן שוין ניט קיין ברויט און ניט קיין קאַרטאָפל פאַר זיך און ניט קיין פוטער פאַר די פי. וועגן זריעה אויפן קומענדיקן יאָר איז שוין אָפּגערעדט אַז קיינער פון זיי האָט ניט. עס איז ממש ניט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי וועלן זיי דורכלעבן דעם ווינטער און פרילינג, ביז דער נייער גערעטעניש. די הילף, וואָס זיי קענען באַקומען פון דעם קלענערן טייל שטייפערע קאָלאָניסטן,

אָדער פון די געציילטע מ׳שטיינס געזאָגט, פאַרמעגלעכערע איינוואוינער פון די קאָלאָניעס (געמיינט די קרעמער), איז אַ נישטיקע. מ׳האָט בעגרינדעט אין די קאָלאָניעס אַ „לחם-אביונים", מ׳שיקט אַריין די שכנים, וואָס ליידן הונגער, פון צייט צו צייט, כלומרשט בתורת הלואה, אַ לעבל ברויט. אָבער „דעם הונגעריקן איז שווער צו זאָט מאַכן", בפרט נאָך, אַז זאָטע זיינען דאָ אַ קליינע צאָל, וועלכע פאַרקלענערט זיך פון טאָג צו טאָג, און די צאָל פון די הונגעריקע וואַקסט כסדר.

אָבער אויך די לאַגע פון דער שטעטלשער יידישער באַפעלקערונג אין דעם קרייז איז אַ קאַטאַסטראָפאַלע. דער עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם קרייז איז שוין פון פריער אָן געווען אַן אָפּגעשוואַכטע. ענערגיש און קאָנסעקווענט ווערט דאָ געפירט דורכן סיימיק די טענדענץ אַריינצונעמען דורך די קאָאָפּעראַציון, וועלכע עס עפענען זיך מיט זיין הילף אין אַלע שטעטלעך פון בראַסלאַווער קרייז אונטערן נאָמען „ראָלניק", אַלס אָפּטיילונגען פון דעם גרויסן רייכן קאָאָפּעראַטיוו „ראָלניק" אין בראַסלאַוו גופא, אַלע צווייגן פון די יידישע פּרנסות אין זייערע הענט, אָנהייבנדיק פון דעם תבואה-, פלאַקס- און זוימען-האַנדל און ענדיקנדיק מיט בעקערייען. פון די קראָם-אַרטיקלען פעלן נאָך מאַנופאַקטור און לעדער-סחורות, אָבער פון דעם קומענדיקן זומער אָן וועלן זיי אויך איינגעפירט ווערן. אַנדערע פאַרשיידענע פּלענער בנוגע אויסברייטערן די טעטיקייט פון די קאָאָפּעראַטיוון (דאָס עפענען פון רעסטאָראַנען, טיי- און ביר-לאָקאַלן א. א. וו.) וואַרטן נאָך אויף ווייטער פאַרווירקלעכונג. אַלס פּועל יוצא פון דער פּלאַנמעסיקער טעטיקייט, וואָס האָט דעם צוועק אַרויסצושטויסן די יידן פון קליינהאַנדל און קרעמעריי, איז דאָס, וואָס די יידישע קרעמער און קליינהענדלער אין די שטעטלעך פון דעם קרייז זיינען אַראָפּ פאַר די לעצטע פּאָר יאָר ביז דער לעצטער מדרגה. די הונגער-קאַטאַסטראָפע פון דעם לעצטן יאָר האָט זיי פולשטענדיק צערוואינירט. דער פויער אַלס קאָנסומענט קומט איצט אינגאַנצן ניט אין רעכענונג. דער האַנדל מיט תבואה און פלאַקס איז אָפּגעשטאָרבן. קאָרן און די איבעריקע תבואות ברענגט מען אַהער פון די ווייטע פּוילישע געגנטן מיטן באַן וואַגאָנעסווייז. דאָס דינט אָבער ניט אַלס געגנשטאַנד פון האַנדל. עס גייט דורך גרעסטנטיילס דורך די קאָאָפּעראַציוון אָדער דורכן סיימיק. צוליב פּריצייטיקע פרעסט איז דער היגער פלאַקס, וועלכער איז אין נאָרמאַלע יאָרן געווען דאָ אַ גרויסער אַרטיקל פון מסחר, היינטיקס יאָר פון זייער אַ געמיינער קוואַליטעט. די פּרייזן לגבי דעם פאַריקן ווינטער (ווען אויפן מאַרק פלעגט מען ברענגען היפּשלעכע גוטע סאָרטן פלאַקס) איז אין 6–7 מאָל קלענער (אַ יידישער קאָלאָניסט פון דרויסק האָט היינטיקס יאָר אָנשטאָט 8 בערקאָוועץ פלאַקס (80 פוד) אַראָפּגענומען פון פעלד נאָר דאָס העלפט (4 בערקאָוועץ=40 פוד) און אָפּלייזן פאַרן גאַנצן פלאַקס קען ער מער ניט ווי אַ 100–150 זל., אָנשטאָט וואָס אין פאַריקן יאָר, ווען די קוואַליטעט פון פלאַקס איז געווען אַ בעסערע, האָט ער פאַר די 40 פוד געקענט האָבן אַ 600–800 זל.). פי איז צוליב דעם פולשטענדיקן מאַנגל אין פיטער זייער ביליק און קיין האַנדל ווערט מיט דעם ניט געפירט.

די יידישע קרעמער און קליינהענדלער זיינען פאַרצווייפלט און נידערגעשלאָגן. זיי שטייען אויפן ראַנד פון אַ תהום דחקות און ליידן, אָבער זיי זיינען אינגאַנצן אָנמעכטיק און האָבן ניט קיין שום מיטל, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זיך פון דער שווערער לאַגע און אויסצומיידן די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אויף זיי אָן.

אָבער אויב אַ טייל קרעמער ראַנגלט זיך נאָך מיט די לעצטע כוחות פאַרן קיום און וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, לעבט נאָך דערווייל ווי עס איז, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין קלאָרן דין-וחשבון, צי מען פאַרלעבט אָן איינגענעם, צי אַ פרעמדן גראָשן — זיינען שוין די בעלי-מלאכות (און אויך אַ טייל קליינהענדלער) געקומען צו דער לעצטער מדרגה. דער קליינהאַנדל, ווי שוין פריער געזאָגט, איז טויט. אָבער אויך די מלאכה איז אויסגעגאַנגען. צי קען אַ פויער קלערן וועגן עפּעס מאַכן, נייען זיך, ווען ער און די פאַמיליע און אפילו די „סקאָט" זיינען הונגערן ממש, הונגערן שרעקלעך, גרויזאַם? אין ניי-פּאַהאָסט האָב איך אָנגעטראָפן פויערים מיט געשוואָלענע פון הונגער פּנימער, דעם ספּעציפישן געלבלעך בלייכן הויט-פאַרב פון געזיכט, וועלכע מ׳האָט שוין זינט דער יאָר 1919 ניט געזען אין אונזערע געגנטן. דאָ, אין ניי-פּאַהאָסט, איז קאַרטאָפל אַ זעלטענער מאכל אפילו אין פאַרמעגלעכע הייזער. אויף די פעלדער איז אין פאַריקן זומער ממש גאָרניט ניט געראָסן. אין פיל שטעטלעך פון בראַסלאַווער קרייז האָב איך געטראָפן אַ מאַסע קריסטלעכע בעטלער, וועלכע ווילן בשום אופן ניט נעמען אַ געלט-נדבה, און בעטן זיך רחמים צו שענקען זיי אַ שטיקל ברויט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, קלערט קיינער ניט ביי אַזאַ לאַגע וועגן שיך, כלבושים, תיקונים אין הויז אָדער ווירטשאַפט. די יידישע בעלי-מלאכות אין די שטעטלעך זיינען שוין פון האַרבסט אָן אַרבעטסלאָז. צווישן זיי הערשט אַ שרעקלעכער דלות, נויט און דחקות. אין אַלע שטעטלעך האָב איך געקענט זען פאַרן, וועלכע קלייבן פאַר דעם אָדער יענעם געפאַלענעם בעל-מלאכה אויף ברויט אָדער האָלץ. די פּרטים, וואָס מען האָט מיר איבערגעגעבן אין די אַלע שטעטלעך וועגן דעם לעבן פון די בעלי-מלאכות (און טיילווייז אויך פון די קליינהענדלער), זיינען ממש שוידערהאַפטע. ניט נאָר קיין פלייש, מילך, פּוטער קומען שוין לאַנגע חדשים אין זייערע הייזער ניט אַריין, נאָר מען ציטערט און מען טרייסלט זיך דאָרט איבער יעדן שטיקל פאַרצערטן ברויט. פון פרי שפּאָרט מען אָפּ אַ שטיקל ברויט אויפן אָוונט, און די גאַנצע נאַכט שלאָפט מען ניט צוליב דער דאגה, מיט וואָס וועט מען אָנקאָרמענען די קליינע קינדערלעך מאָרגן אינדערפרי. און די נויט און הונגער האָט זיך איצט אַריינגעקליבן אַלץ אין אַזעלכע הייזער, וואו מען איז נאָך מיט אַלע כוחות פאַרזאָרגט אים צו פאַרדעקן און באַהאַלטן פון אַ פרעמדער אויג. דאָס זיינען אַלץ בעלי-מלאכות, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט אַרבעט, האָבן גוט פאַרדינט און זייערע פאַמיליעס האָט ניט געפעלט קיינמאָל קיין ברויט און נאָך עפּעס צום ברויט. עס האָבן איצט ניט קיין אַרבעט און ליידן הונגער אפילו אַזעלכע בעלי-מלאכות, וועלכע זיינען ספּעציאַליסטן אין זייערע פאַכן. אַ קאַטאַסטראָפע מיידט קיינעם ניט אויס.

אין מיאָר האָט מען מיר איבערגעגעבן וועגן אַ פאַל, אַז די פאַמיליע פון אַ גוטן בעל-מלאכה דערנערט זיך שוין זינט אַ באַוואוסטע צייט מיט קלייען פאַרמישטע מיט וואַסער. צופעליק האָט עס אַ שכן באַמערקט. ווער ווייס אָבער וויפיל עס זיינען דאָ נאָך אַזעלכע פאַלן, וועלכע די אומגליקלעכע סטאַרען זיך זאָרגפעלטיק צו באַהאַלטן פון פרעמדע מענטשן? נאָר די אויסגעצערטע, בלייכע געזיכטער פון די דערוואַקסענע און פון די קליינע קינדער זאָגן עדות וועגן די גרויסע ליידן, וואָס ווערן אין דער שטיל איבערגעטראָגן. דערהויפּט איז גרויס דער מיטלייד אויף די קינדער.

יעדע שטעטל אָרגאַניזירט ביי זיך הילפס-קאָמיטעטן אונטערן נאָמען „לחם אביונים" מיטן צוועק צו העלפן די הונגעריקע. אָבער אַלע זיינען זייער צעבראָכן. יעדע מזומנע זלאָטע האָט אַ גרויסן ווערט, ווייל קיינער האָט איר ניט, און די מיטלען, וואָס די קאָמיטעטן שאַפן אין שטעטל, זיינען זייער קליינע אין פאַרגלייך מיט דער גרויס פון דער נויט.

ש. כהן.

ניי-פּאַהאָסט, 2 מערץ 1929.

פּערזאָנען, וועלכע האָבן אין פאַרשיידענע צייטן מיטגעהאָלפן דער אַרבעט פון „יעקאָפּאָ“.

(ניט גערעכנט די מיטגלידער פון עקזעקוטיווע, פּלענומס און קאָנפערענצן פון „יעקאָפּאָ“. גענויער, ווי אויך וועגן די איבעריקע ז. די ביאָגראַפיעס און די געהעריקע ערטער אין טעקסט לויטן אינדעקס).

פון פּעטערבורגער „יעקאָפּאָ“	מ. א. מאָרעל.
פון ד. ד. ק.	ד״ר ב. באָגען ז״ל, איסידאָר הירשפעלד, ז. און ד. שווייצער, ד״ר בערנאַרד כהן, ד״ר ווערנער סענאַטאָר.
פון אַמעריקאַנער פאַרטרעטער	ליטענ. שיין, קויפמאַן, ד״ר באָגאָוו, ד״ר שמידט, ד״ר גאָלוב, ברידער גערשטענזאָנג, קאָוואַלסקי, לעוו, צוקער. אַרטיקע – אַדאָלף קראַקאָווסקי, באָטשקאָ.
פון „יק״א“	עמיל מאירסאָן, לואי אונגער, סטאַניסלאָוו גאָלדע.
פון לאָנדאָנער אוקראַינער קאָמיטעט	ד״ר ד. יאָכעלמאַן, א. קייזער.
פון „היאַס“	א. העלד, יעקב מייזל, א. שליוגער, לעווין-עפּשטיין.
פון „היקעם“	מ. קריינין, עדואַרד אונגער, א. בענדזשאַמין.
פון יתומים-פאַרבאַנד אין וואַרשע	מענדל שניאורסאָן, ל. נייסטאַט (גלייכצייטיק אויך פון ד. ד. ק.), א. גאָלדין.
פון די געוו. באַפולמעכטיקטע פון פּעטערבורגער „יעקאָפּאָ“	ש. אַנ-סקי ז״ל, י. ווערניק, אַדוו. א. גומענער.

פון אַמעריקאַנער באַזוכער.

י. ביליקאָוו, ד״ר מ. ספּיוואַק ז״ל, פייזער ז״ל, ריכטער פישער, פּרענקל, דוד ברוין, האַרי פישל, ברעסלער, הייכמאַן.

מיטגעאַרבעט מיט טוער פון די אָרטיקע געזעלשאַפטן.

קהילה	ד״ר י. בערגער.
„אָרט“	אינזש. ש. פיינשטיין, דאַווידאָוויטש-לוואָוויטש, אַגר. ח. פייגין, ש. וויקטאָראָוו, אינזש. ל. פּרענקל, אינזש. גאַקנער, ש. קאָוואַרסקי.
„אָזע“	ד״ר יאַבראָוו, ד״ר י. ראַפּעס, ד״ר ה. קאָוואַרסקי, ד״ר געלמאַן.
געוו. מעדיציניש-סאַניטאַרע צענטראַלע	ד״ר ג. גערשון.
„משמרת חולים“	ש. ברוידאָ, ד״ר וו. פּערעלמאַן.
פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון	אינזש. י. אָקון, מ. עלקין.
„הילף דורך אַרבעט“	אינזש. א. קלעבאַנאָוו, אַדוו. ווילענסקי, ד״ר א. מאַקאָווער ז״ל.
פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען	ח. וואָלט, ל. ווײַנשטיין, רבקה עפּשטיין.

מיטהילף פון פאַכלייט.

אַרכיטעקטאָרן: פּ. סמאָרגאָנסקי, ב. ליפּאָווסקי, ד. ראָזענהויז; טעכניקער: קאַמיענעצקי, קורגאַן; אַגראָנאָמען: לאַנדוי, פּיטאָווסקי (פון יק״א) – ז. אויך „אָרט“; אַדוואָקאַטן: עוזר פינקעלשטיין, י. יאָכוועד, ש. אייגעל, ב. רובאַשעוו, כ. א. וואַקאָן; דאָקטוירים – ז. „אָזע“; אינזשענערן – ז. „אָרט“.

רעליעפן, לאַנדסמאַנשאַפטן.

פאַרטרעטער פון אַ גאַנצער ריי רעליעפן, ד. ה. הילפס-קאָמיטעטן פון לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע, זיינען די ערשטע יאָרן, קומענדיק קיין אייראָפּע, געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע, וועלכע פלעגט זיי געבן אַלע נייטיקע אָנווייזונגען בנוגע זייערע שטעטלעך און אויך פון פאַרטיילן די הילף. אין די אַלע פאַלן פלעגט די הילף פאַרטיילט ווערן אַממערסטן פּראָדוקטיוו און אָרגאַניזירטערהייט. דאָס קען מען ניט זאָגן וועגן אַנדערע פאַלן (ז. אויבן ז. 626).

פנקס
פון
יעקאפא.

[illegible]
פון משה שאליט

אינדעקס
פון נעמען, זאכן און ענינים,
וואס ווערן דערמאנט אין פנקס

א

אבאוויטש מאיר, רב — 137, 143, 144, 405, 407, 409, 410, 517, 521, 637, 638, 709
אבראמאוויטש הירש — 384, 675, 710—712
אבראמאוויטש (פוילישער סאציאליסט) — 751
אבראמאוויטש י. — 637, 638
אבראמאוויטש ב. — 637
אבראמאוויטש ברוך — 638
אבראמאוויטש אברהם (פלימעניק פון מענדעלע מוכר ספרים) — 785
אבראמאוויטש (רבין) — 926
אבראמסאן אהרן — 138, 190, 192
אבראמסאן אביגדור — 639
אבערגאסט — 585, 586, 604, 897
ארגאניזאציע פון יתומים — 70, 231—239
„איוסאד עמיגראציאני" — 116, 1074—1075
אונגער עדוארד — 19, 287, 714—715, 816
אונגער לואי — 19, 713—714, 762
„אונזער הילף" — 17, 345, 355, 626, 766, 1079, 1080, 1085
אויסבויאונג פון די חרוב־געווארענע פון דער מלחמה הייזער און בנינים — 35—38, 78—79, 127—180
„אויפבוי און זעלבסט־הילף" — 24, 741, 862
אוקראינער קאמיטעט (ווארשע) — 34, 98, 281, 738, 809
אוקראינער קאמיטעט (לאנדאן) — ז. לאנדאנער אוקראינער קאמיטעט
אושאק — 11, 179
„אועס" — 881
„אזע" — 3, 5, 15, 16, 21, 64, 65, 157, 239, 263, 340, 344, 346, 353, 354, 358, 568, 591, 592, 601, 606, 609, 617, 623, 625, 735, 737, 742, 760, 769, 770, 771, 775, 789, 804, 829, 861, 862, 881, 946, 948
איגנאלינע — 11, 47, 62, 179, 185—186, 316, 451—454, 472, 613—615, 637, 638, 688, 696
איוואנסק — 11
איוויע — 11, 66, 185—186, 178, 216, 217, 227—229, 236, 273, 277, 316, 352, 360, 454, 566, 610, 612, 613—615, 635, 637, 638, 639, 688, 696, 700, 770, 834, 1070
איוועניצקי א. — 429, 715—716
איוועניעץ — 11, 566, 638, 688, 691
איזראעלעוויטש חיים — 639
אילע — 11, 54, 83, 573, 638, 688
אימיגאניטאוו מ. — 144, 236, 245, 348, 1070
אינדיווידועלע הילף — 40—41, 232—233, 357—358
אינטורעק — 11, 637
אינטערנאטן — 94—95, 207—232
אייגעל ש., פרופ. — 9, 624
אייזענבוד א., רב — 610, 637, 638, 639
אייזיקאוו ש. — 1085
אייזיקאוויטש ס. — 217, 339
אייזענבערג ישראל — 882
אייזענבערג א. — 1079
אייזענשטאדט איסיי (יודין) — 936
אייזענשטאדט ד"ר — 744
אייזענשטאדט־ברזילי יהושע — 428, 429
איינהארן חיים עוזר — 835
איינהארן דוד — 835
איינהארן גניסין — 835
איסיראוויטש ב. — 760
אישישאק — 11, 178, 316, 443, 454—455, 567, 613—615, 637, 638, 639, 688, 700, 1079
אלנין — 926
אלטער לעאן — 289, 675, 716—717
אליצקי מ. — 329, 1085
אלעכבאוויטש — 176, 443
אלקעניק — 11, 179, 316, 433—444, 445, 572, 613—615, 637, 688, 1070
אלשאן — 11, 64, 176, 178, 316, 360, 457, 467, 572, 613—615, 637, 638, 688, 697, 1070
אלשוואנגער א., ד"ר — 344
אמעריקאנער קאמיטעט, פאראייניקטער פינאנציר־טיילונגס־קאמיטעט — ז. דזשוינט
אמעריקאנער מיסיע — 565, 619, 770
אמעריקען רעליעף־אדמיניסטרייטשן (אר"א) — 123, 626, 801
אנסאוויל ס. — 4, 44, 109, 269, 280, 635, 634, 717—718, 1078
אנ־סקי ש. — 1, 4, 44, 596, 642, 661, 662, 663, 665, 666, 667, 668, 669, 670, 671, 672, 712, 768, 854, 857, 874, 886, 941, 944, 947
אנ־סקי־קינדערהיים — 55—57, 672
אנדריאלישעק — 11, 176, 638, 706
אנקעטעס — 673—708
אסטאשינסקי מ. — 143
אסטראוסקי וו., ד"ר — 863
אסטראוויעץ — 11, 136, 176, 179, 185—186, 316, 455, 573, 613—615
אסטרין — 11, 178, 566, 613—615, 637, 639, 688, 697, 780
אפטעקמאן (נאראדעוואליעק) — 936
אפירייוויסן — 109, 111, 112, 115, 116, 542
אפסע — 11, 138, 176, 470, 573, 638
„אמע" (מפיצי השכלה) — 5, 341, 711, 719, 732, 750, 818, 883, 885, 889, 890, 891, 913, 926
אקין מ. א. — 340, 720, 1088
אקין י., אינזש. — 341, 345, 675, 719—720, 787
אקין שמעון — 719
אקסעלראד ישראל — 449, 637
„ארא" — ז. אמעריקען רעליעף אדמיניסטרייטשן
אראן — 11, 179, 185—186, 440, 443, 572, 613—615, 637
„ארט" — 3, 5, 6, 15, 21, 24, 66, 76, 230, 247, 341, 346, 351, 352, 358, 463, 591, 592, 601, 606, 617, 623, 669, 708, 711, 714, 734, 735, 738, 741, 744, 745, 759, 760, 763, 775, 779, 784, 801, 802, 811, 822, 824, 861, 862, 881, 1077, 1081
ארלאווע — 11, 179, 185—186, 316, 445—456, 567, 613—615
ארלינסקי מאיר — 430
אראנאוויטשי ג. — 675, 718—719
אראנאוויטש י. א. — 216
ארגענטינער קאלאניזאציע — 946—948
„ארבעטער" (קאאפעראטיוו) — 606
ארכיוו פון „יעקאפא" — 1079, 1093
ארעכעווונע — 87
אשמענע — 11, 66, 111, 179, 203, 216, 217, 229—231, 236, 247, 251—254, 272, 273, 274, 277, 316, 352, 456—457, 466, 467, 473, 487, 490, 571, 573, 610, 611, 613—615, 625, 636, 637, 638, 639, 648, 688, 696, 697, 988, 991, 994, 1000, 1070
אש"ס שלמה נגיד — 427

ב

באבינעק — 11, 179
באגען באריס, ד"ר — 16, 597, 613, 720—722, 770, 861, 863, 910
באגען־שאהאן י. — 722
באגען שלמה — 88, 236, 638, 639
באגוסלאווישעק — 11
באזין (ווילבערטארג מ.) — 745
באלאשי (רשרף) — 735
באלאבאן מ., פראפ. — 413
באלבערישסקי מ. — 355, 356, 639
באראן א. — 637
באיארסקי ב. — 637
באיארסקי דובער — 638
באנאוו, ד"ר — 365

באסטאמסקי ש. — 730
באסין — 11
באקאלטשוק ג. — 517
באקאלטשוק ז., רב — 631
באקשט יעקב — 638
באקשט — 176
באק מ. — 532, 533
באראנאוויטש — 11, 87, 91, 165, 176, 201, 269, 270, 273, 316, 402, 410, 421, 444, 457-458, 467, 482, 494, 561, 566, 613-615, 637, 638, 691, 699, 700, 778, 779, 780
בארון — 11, 138
בארנשטיין י. — 814, 985
באריסאוו — 11, 142, 176, 566, 613—615, 637, 639, 706
באריסאנסקי ישראל עזר (סראליוער) — 425—426
באשטייונג פון פאלקיגרער — 359
בדסלאוו — 11, 176, 316, 458, 572, 697
בורישאן י. — 325
בוטרימאנץ — 11, 613—615, 637
בויוירו — 11
בונימאוויטש ישראל — 583
ביאליק ח. נ. — 843
ביאגראפיעס — 709—948
ביבליאגראפיע — 949—984
ביטען — 11, 270, 316, 458-459, 566, 724
ביכערלאגער — 343—344, 634, 1031, 1051, 1060—1068
בילדוויני (קאלאניע) — 486
ביליקאף יעקב — 614
בילדער — X—XI
ביניאקאני — 11, 466, 567, 613—615, 637
ביסטריץ — 11, 572, 613—615, 637, 706
בירוש — 600
בירגערשאפט — 30—33
בלאנדעס, פעלדשער — 928, 929, 930, 934
בלאנקשטיין חנה — 1091
בלומענטאל מ., ד"ר — 859
בן-אביגדור (אברהם שאלקאוויטש) — 427, 429
בן-חיים (יוסף יאשונסקי) 758
בערקר — 166—168
בעורזן — 11
בעליצע — 11, 176, 179, 316, 459—460, 567, 611, 613—615, 637, 638, 688, 1070
בעלקאווסקי ג. — 758
בענדער ש. ז. — 612, 637, 638
בענדושאמין א. — 20, 287, 722—723
בעניצע — 171
בעסקין עמיל — 799
בעקער ש. — 637
בערגער יצחק — 638
בערגער יוסף, ד"ר — 4, 137, 1085
בערדיטשעווסקי מיכה יוסף — 849
בערלינער י. — 831
בערליטער ר. — 831
בערלין מאיר, רב — 837
בערלין הירש לייב, ראש ישיבה — 837, 881
בערמאן שלום — 530
בערנשטיין רושעם — 20, 287, 815—816
בערנשטיין ישראל — 723—724
בערנשטיין ראובן — 815
בערנשטיין זאוול — 832
בערנשטיין מ. 637
בערעזאווסקי ד., רעד. — 740
בערעזנע — 744
בערקמאן ח. — 637
בערקענהיים אברהם — 818
בערקענהיים אלכסנדר — 816—818
בראסקא ש., ד"ר — 1090
בראוסקי ב., ד"ר — 1094
בראון, רב — 637
בראמסאן ל. מ. — 575, 582, 596, 789, 932, 1081
בראסלאוו — 11, 80, 111, 172, 316, 359, 453, 454, 463, 464, 466, 470, 471, 473, 481, 486, 497, 572, 630, 638, 639, 688, 696, 700, 742, 993, 1110
ברודנע ש. — 637, 638
ברודנע ל. — 340
ברוידא י. (וויסאקי-דווער) — 637
ברוידא י. (סראגו) — 637
ברומבערג י. — 525, 612
ברוצקים ב. — 582, 675
ברוק ח. — 635, 637, 639, 724-725
ברוק, ד"ר — 739
בריאנסקי י., אדוו. — 267, 675, 725

ג

גאוויע — 176, 195
גאושאנסקי (לנו) — 926, 932
גאלדע מס. — 98, 141, 166, 819
גאלדע סעלים — 675, 819
גאלאמב י. — 611, 637
גאלאמב ח. — 637
גאלאמב א. — 727
גאלאמב יהודה לייב — 725—727
גאלדבערג (סלאנים) — 270
גאלדבערג ב. א. — 775, 797
גאלדבערג משה — 638
גאלדבערג י. ל. — 768, 926, 939
גאלדין אהרן — 675, 727—729
גאלדין איזיק-בער (א' ב' ג') — 127
גאלדין נ. — 1085
גאלדמאן (ליבער) — 926
גאלדמאן פרוי (רעיישלאציאנערע טוערין) — 756
גאלדמאן אברהם, ד"ר — 729—730
גאלדמאן י. — 637
גאלדסלאב, ד"ר — 716
גאלדשמידט א. י. — 925
גאלוב, ד"ר — 355
גאלינקין מרדכי יעקב, רב — 639
גאמעל — 11
גאסקא ס. — 216
גאפונג אלכסנדר — 639
גארבער אליהו, רב — 638
גארדאן יצחק — 328, 637
גארדאן י. ד. — 339
גארדאן א. ה. — 773
גארדאן איכיגאר, אדוו. — 783
גארדאנאוויטש י. — 677
גאק מיכאיל — 910, 927
גודאגיי — 11, 50, 548, 549, 572, 637, 672, 715
גוטערמאן רוגער — 638
גוינס ז. — 610, 637, 639, 644
גומענער י., אדוו. — 224, 266, 268, 410, 411, 568, 573, 675, 730, 829-834
גור — 11, 706
גורדוס יצחק — 269, 532, 535, 537, 636, 638, 639, 730—731
גורוויטש לייזער — 698, 767
גורוויטש העשל — 74, 91, 345, 540, 612, 637, 639, 675, 731—732
גורוויטש אליקום — 639
גורוויטש בן-ציון — 216, 638
גורוויטש יעקב בועז — 639
גרעוויטש גריגארי מאיסייעוויטש (רעגיסטער קאנטרלו) — 850
גיטערמאן י. (גמ"ח-ר.ר.ק.-סעקרעטער) — 98, 186, 306, 330, 332, 811, 842—865, 1071, 1076, 1077, 1083
גיכע הילף פאר היימלאזע און רעפאטריאנטן — 40—43
גיליניטש י. — 339, 1099
גילינסקי דובער — 638
גינזבורג-נאומאוו — 811
גינזבורג אליהו — 638
גינזבורג מ. — 637
גינזבורג א., בארן — 575, 582, 640, 642, 643, 804
גינדין מאיר — 638
גינענסקי ר. — 637
גיסער יצחק מאיר — 638
גירושים — 33—34, 97—98
גירשאוויטש, ד"ר — 1091
גלאז גדליהו — 638
גלובאקע — 11, 48, 62, 65, 66, 87—88, 100, 111, 116, 155, 176, 179, 236, 247, 272, 316, 352, 460—461, 469, 495, 521, 573, 631, 634, 638, 639, 640, 641, 642, 643, 644, 645, 646, 647, 648, 651, 657, 659, 660, 663, 696, 700, 742
גליקמאן אברהם — 638
גמילות-חסדים-קאסעס — 304—330, 1071, 1076, 1077
גמילות-חסדים אין ווילנע — 322—330
געררויץ — 11, 179, 613—615, 637
געזעלשאפטלעכע בנינים — 93—94, 13ו—13ג, 181—203
געלוואן — 11
געלמאן ב., ד"ר — 353
געליבטער לייב — 882
געץ ס. — 926
געצאוו נחן צבי — 401
גערוויאט — 11, 613—615
גערנעל נחום — 675, 728, 732—735
גערמאנאוויטש — 87
גערשון ג., ד"ר — 167, 355, 924, 1078
גערשטיין יעקב — 339
גערשטענזאנג, לייטענאנט — 16
גראדזענסקי ר' חיים עוזר, רב — 234, 245, 613—615, 639, 735, 834—842, 1077, 1078
גראדזענסקי א. י. — 831
גראדזענסקי אליהו ליוער, רב — 837, 839
גראסמאן מ. — 1091
גרוזענבערג א. אדוו. — 723, 928, 929, 930
גרויסגאר א. — 637
גריבעסאק אליעזר — 895—896
גריוועל דוב — 637
גרינבוים יצחק — 725
גרינבלאט נתן — 744
גרינפעלד יונה — 289, 818, 819
גרינצווייג אברהם מענדל — 442

ד

דאבין (שמעוני) — 728
דאברי ליובאוו גערסאנאוונא — 652
דאווידזאן נח, ד"ר — 891
דבורה אסתר (געלסער) — 325, 326, 327, 328, 329, 330
דאנצאוויטש י., רב — 631
דאלהינאוו — 11, 83, 178, 469, 572, 616, 688, 697
דאמבראצקי אליהו — 737—738, 803
דאן ברוך — 638
דאקשיץ — 11, 83, 111, 176, 316, 469, 573, 638, 639, 688, 696, 742, 1102, 1105, 1106, 1108, 1109
דארגהויסק — 91
דובין שלמה חיים — 87, 636, 638, 639, 735—737
דוגינאוויץ — 11, 316, 463—464, 572, 1110

דובינעק — 11
דובנאוו ש. — 591, 773, 792, 932
דובראוויע (קאלאניע) — 11, 501
דוגעלישעק — 11, 316, 462—463, 571, 613—615, 698
דויג — 11
דווינסק — 11, 16, 62, 83—93, 128, 192, 469, 519, 535, 586, 597, 623, 741
דווילאוויטש — 11, 48, 111, 168, 176, 179, 185—186, 316, 461, 571, 631, 655, 696
דוניעץ זלמן — 426—427
דוקשט — 11, 62, 142, 176, 179, 470, 572, 638, 696
„דזשוינט“, דזשוינט דיסטריביושן קאמיטע (ד.ד.ק.) — 9, 10, 12, 13—18, 19, 22, 23, 44, 45, 57, 70, 72, 73, 78, 80, 99, 101, 102, 130, 133, 139, 139, 141, 147, 152, 153, 155, 160, 163, 165, 167, 174, 182, 186, 202, 207, 217, 221, 222, 223, 224, 225, 226, 231, 232, 233, 234, 235, 236, 239, 242, 265, 265, 267, 271, 272, 274—276, 305, 306, 307, 309, 310, 315, 316, 329, 334, 349, 355, 357, 358, 359, 360, 339, 390, 422, 423, 424, 426, 451, 453, 568, 569, 570, 571, 572, 596, 597, 598, 599, 600, 601, 602, 603, 613—615, 616—618, 624—626, 629, 635, 669, 670, 678, 701, 714, 718, 721, 722, 735, 738, 740, 745, 752, 762, 763, 764, 770, 781, 784, 785, 789, 809, 814, 819, 821, 822, 827, 834, 861, 864, 865, 892, 961—963, 1025, 1070, 1071, 1075, 1076
דיאמאנער ה., פראפ. — 853, 943
דיזשור אליהו — 733—739
דינעזאן י. — 697
דיסנע — 11, 62, 87, 142, 144, 168, 176, 178, 185—186, 238, 272, 316, 359, 360, 452, 460, 467, 468, 469, 495, 572, 631, 639, 640, 663, 696, 988, 991, 994, 1000, 1102, 1104, 1106, 1109
דירה־פון הילף־אקציע — 68
דניאלי (י. טשערניכאוו) — 754
דעוועניטשעק — 11, 178, 185—186, 237, 316, 466—467, 573, 613—615, 635, 637, 638, 639, 688, 697, 1070
דעליאטיטש — 11, 176, 200, 234, 505, 508, 512, 515, 516, 551, 562, 612, 613—615, 637, 638, 709, 725
דעלעגאטן (צו די „יעקאפא“־קאנפערענצן) — 637—639
דעמבאוווסקי, ד"ר — 929
דעקשנע — 11, 176, 179, 440, 443, 444, 573, 613—615, 637, 706
דערנערונג (קינדער־פארזארגונג) — 69—70
דערעטשין — 11, 270, 410, 567
דרויסק — 11, 316, 464—466, 573, 697, 1110, 1112
דרויע — 11, 87, 142, 176, 179, 316, 466, 572, 688, 696
דרייזענשטאק אפרים — 644
דריסוויאט — 11, 127, 176

ה

הארעס ל. — 1086
האכבערג פסח — 639
האלפערן קארל, ד"ר — 853
האמעל — 6, 7, 711, 761
האמעלסקי ש. — 855, 860
האלובישעס — 11, 179, 316, 467, 572, 688
האמבורג מ. — 637
האנושישעק — 11, 179, 613—615, 637
הארעדוי — 11, 270, 316, 467—468, 489, 567
האראדאק — 11, 237, 578, 638, 688, 697, 1070
האראדישטש — 11, 132, 142, 168, 176, 178, 179, 185, 186, 198, 199—200, 201—203, 316, 469, 505, 551, 553, 567, 613—615, 632, 635, 637, 639, 696
הארוויק, פראפ. — 469
הארקאווי אלכסנדר — 227, 400, 401, 406
הארקאווי א. א., פראפ. — 401
הארקאווי גרשון — 1094
הארקאווי יעקב — 1094
הייזנער, ד"ר — 943
הורוויץ יצחק — זע גורוויץ יצחק
הורוויטש העשל — זע גורוויטש העשל
הורוויטש א. — 637
הורוויטש שמואל — 83
הורוויץ ברכה — 749
„היאס“ — 12, 13, 20, 23, 79, 109, 110, 112, 113, 117, 118, 123, 124, 126, 281, 187, 298, 301, 539, 547, 602, 626, 628, 629, 633, 635, 636, 714, 715, 717, 723, 724, 732, 739, 750, 755, 794, 810, 811, 815, 816, 820, 821, 822, 824, 826, 831, 893, 961—963, 1053, 1082, 1083
„הילף דורך ארבעט“ — 247, 329, 350, 351, 359, 606, 712, 799, 801, 891, 926, 976
הילף פאר אלמנות — 264—265
„הילפספאראיין“ פאר דייטשע יידן — 18, 517, 526, 555, 556, 761, 762, 764
היסטאריש־עטנאגראפישע געזעלשאפט — 340, 345, 435, 584, 642, 665, 712, 768, 769, 941, 946, 947, 973—975, 998
„היצעם“ — ז. „היקעם“
„היקעם“ (עמיגר.־פאר. היאס — יק"א — עמיגדירעקט) — 12, 13, 16, 20, 23, 281, 287, 288, 289, 295, 301, 723, 724, 759, 775, 893, 895, 962, 1053
הירשביין פרץ — 787
הירשפעלד איסידאר — 20, 615, 616, 618, 619, 819—822
הייזוציטשאק — 11, 90, 136, 142, 176, 178, 185—186, 495, 526, 573, 613—615, 637, 638, 639, 658, 697
הלוואות פאר היימלאזע — 71—75, 80, 106
הלוואות פאר עמיגראנטן — 76—77, 288—289
הלוואות אויף היזער — ז. אויסבויאונג
היימלאזע פון רעפאטריאנטן — 5—6, 26—27, 40—108, 147
העלער אדאלף — 20, 675, 739, 822
העלער ליליאן — 822
העלערשטיין — 529, 530
העלמער א. — 637
הערמאן דוד — 418, 788
הערמאנאוויטש — 11, 316, 468—469, 572, 688
הערש ל., פראפ. — 729
הערשבערג אברהם שמואל — 723
הערשפילד איסידאר, ז. הירשפעלד איסידאר

ו

וואגנער מ. ו. — 531, 562, 564, 565, 567, 771
וואולמאן לייב, ד"ר — 739—741
וואלק — 330
וואלאזשין — 11, 111, 176, 178, 185—186, 424, 467, 489, 566, 613—615, 637, 638, 648, 689, 697, 699, 769, 792, 793, 1070
וואלאזשינער ישיבה — 837
וואלאך ירוחם — 201, 634, 639
וואלס ח. — 2, 4, 671
וואלאצקי פסח — 638
וואלמע — 11, 556
וואלפערשטיין, אדוו. — 928
וואלפערם מ. — 926
וואלצקינר — 217
וואלקאווסקי — 410, 411, 735
וואלף יצחק — 40, 46, 127, 131, 135, 136, 141, 142, 144, 154, 163, 166, 167, 227, 236, 269, 280, 335, 345, 350, 512, 630, 638, 639, 675, 706, 741—743, 1072, 1077, 1078, 1079
וואסיליִשעק — 11, 178, 186, 567, 510, 613—615, 637, 638, 639, 688, 697
וואסנער נחום — 802, 823
ווארענעק — 11
ווארענאוו — 179, 185, 186, 319, 469—470, 517, 567, 572, 613—615, 637, 638, 639, 1070
ווארניאן — 11, 179, 319, 381—396, 470, 573, 613—615, 637, 688
ווידזין — 11, 639
ווינארסקי י., ד"ר — 7, 345, 390, 584, 613—615, 639, 743, 866—872, 924, 1077, 1078, 1079, 1085, 1091
ווידז — 11, 36, 46, 64, 69, 90, 91, 111, 127, 128, 134, 135, 136, 142, 168, 170, 176, 178, 179, 183, 184, 185, 186, 192—195, 198, 319, 454, 462, 470—472, 572, 631, 632, 634, 636, 638, 639, 697, 742, 747, 748
ווידערעוויטש יוסף — 84, 638
ווייזנבערג ווייסלער, ד"ר — 743
ווייסער א. — 345, 787
וויינער דובער — 638, 639
ווינשטיין גרשון — 97, 635, 638, 639
ווינשטיין לוי — 636, 638, 639
ווייס יצחק, רב — 638
ווייסמאן, ד"ר — 89
ווייך ח. — 831
ווייצעל ר. — 637
„ווילנע“ — 441, 975
„ווילסאר“ — 708
ווילייקע — 11, 30, 62, 67, 86—87, 121, 126, 128, 142, 176, 178, 319, 472, 499, 572, 613—615, 631, 635, 637, 638, 639, 688, 697, 735, 736, 763, 988, 991, 994, 1000
ווילשיס, ד"ר — 936
ווילנע — 1—2, 5, 7—8, 50, 55, 66, 68, 91, 107, 119, 208—217, 261—263, 289, 322—330, 336, 340, 341, 344, 346, 569, 580, 584, 685, 692—699, ז. אויך ביבליאגראפיע
ווילנער געגנט — ז. ווירטשאפטלעכע סטרוקטור; יעקאפא; קאנפערענצן; שטעטלעך
„ווילנער טאגבלאט“ — 5, 530, 584, 768, 911, 998
„ווילנער טרובל“ — 583
ווילענסקי יעקב — 638, 639, 823—824
ווינצאווער ס., אדוו. — 575, 582, 882, 931
ווינצאווער וואלענטינא — 804
ווינינצקי יוסף — 432
וויניק — 537
וויסאצקי־דוואר — 12, 613—615, 637
וויקטאראוו ש. — 131, 135, 136, 675, 743—744
ווירגילי (ג. כהן) — 763, 1085, 1088
ווירטשאפטלעכע סטרוקטור פון ווילנער געגנט — 985—1039
וויסנעוו — 11, 46, 132, 131, 136, 142, 168, 170, 176, 179, 185, 186, 195—197, 467, 564, 613—615, 632, 638
וואלבערק ב. — 749, 1083
ווסעלוב — 176, 410, 724
„ועד המסחר“ — 334, 691
„ועד העזרה“ — 334
וועלט־הילף־קאנפערענץ — 21, 222, 223, 801

וואליטשאני — 11, 178, 350, 351, 606, 613—615, 637, 707, 708, 800
ווענצלאווסקי (ווילנער שטאט-גאלאווע) — 934
וועקשנע — 788
ווערטהיים אברהם — 744—745, 864
ווערניק יוסף — 14, 98, 152, 186, 236, 568, 635, 760, 804, 864
ווערקי — 176
ווראבלעווסקי, פראפ. — 929, 934

ז

זאברעזיע — 11
זאלצג אליהו — 638
זאלעסיע — 171
זאלקינד ג., קינסטלער — 340
זאלקינד, ד״ר (ווילנע) — 923, 928
זאלקינד יעקב, ד״ר — 881
זאמלונג פאר היימלאזע — 74—75
זאנגוויל ישראל — 874, 879
זאסקעוויטש — 11, 64, 142, 176, 319, 473, 572, 638, 639, 688
זאק מ. א. — 744
זאקמאן מ. ב., פראפ. — 9, 864
זאקהיים ל. — 2, 4, 141, 142, 613—615, 638, 639, 824, 1070, 1077, 1079
זארבין, ד״ר — 1091
זומער-קאלאניעס און סאנאטאריעס פאר יתומים — 259—264
זיאנקי — 83, 1103
זיעריס ב. — 675
זייטשיק אברהם יהודה — 715
זילבערבלאט שמואל — 638
זילבערגלייט ל. — 637
זילבערפארב מ., ד״ר — 280, 675, 745—746, 759
זילבערשטיין הערשל הענריק (אברהם צבי), ד״ר — 675, 746—747, 797, 1033
זיסקינד גרשון — 409
זיסקינד אלכסנדר, רב — 401, 406
זיעלאנקע — 11
זכרונות — 505—672
זלאטקין ברוך — 193, 194, 634, 638, 639, 747—748, 798
זלאטקין שמעון — 194
זעלהיים וול. — 817
זעלוויע — 410
זעלדאוויטש י., פראפ. — 410
זעליגמאן לואי, ראבינער — 713
זעגבליע — 475
„זעמסקי סאיוז" — 742, 769, 804, 854, 855
זשופראן — 11, 179, 573, 613—615, 637
זשוראוויצי — 351, 606, 613—615, 707, 708
זשיטלאווסקי חיים, ד״ר — 788, 874
זשירמון — 11
זשעטל — 270, 319, 410—429, 473, 567, 700, 1082, 1094
זשעלודאק — 11, 176, 178, 319, 427, 455, 567, 611, 613—615, 636, 637, 638, 639, 688, 697, 715, 716, 780, 1070
זשעליגאווסקי, גענעראל — 1, 51, 135, 536, 552, 600
זשעליגאווסקי-רעגירונג — 2, 52, 53, 783

ח

חאזאן חיים — 552
חדש, רב — 360
חזן ח. ב. — 339
חזנים — 975
[כאזאן] — ז. ווייטער אונטערן כ
„חורב" (שול-צענטראלע) — 441, 691, 692, 698, 699
חינסק אברהם — 449
חיים ל., ד״ר — 240
חלוצים — 65—66
חלם יצחק — 327
חזק חיים — 286
חזק, אינזש. — 861, 865

ט

טאבארישאק — 11, 513
טאנגעסטניק שכנא — 639
טאנענבאוויטש יוסף — 638
טאבעלן — VIII—X
טאוויאנסקי י., רב — 637
„טאז" — 15, 16, 24, 406, 418, 738, 740, 741, 770, 779, 802, 946, 948, 998, 1077
טאקסירונגס-קאמיסיע — 580
טאלמאזי לעוו — 914
טאראסייסקי מאיר — 618
„טארי" — 708
טירגנען — 11, 128
טומאנסקי — 98
טווערסקי מרדכי בער (הארנאסט. רבי) — 842
טורנאוויטש ל. — 337, 339, 1076
טורגעל — 11, 178, 573, 613—615, 637, 638
טורגעל ג., אפטייקער — 525, 532, 535
טורמאנט — 319, 473—475, 572, 585, 592, 594
טורעק — 11, 132, 142, 176, 567, 639
טילעס יצחק — 123
טעאטער, טעאטער-געזעלשאפט — 975—976
טעכניקום „ארט" — 449, 537, 712, 977
„טעכנישע ביורא ביי דער אויסבויאונג — 144
טראב — 11, 178, 467, 566, 613—615, 637, 638, 688
טראנזיט פון רוסלאנד 53—55
טראנספארטירונג — 28, 117
טראנספארטשיין-געלטער — 124
טראצקי ל. — 589
טראק — 11, 111, 176, 319, 433, 448, 450, 475—476, 501, 573, 613—615, 637, 638, 688, 710, 725, 988, 991, 994, 1000
טריווש מנח יוסף, רב — 437
טריווש הלל דוד, רב — 437
טשאסטראוו א. — 340
טשערני זאב וואלף — 749
טשערני דניאל — 749—751
טשערנא, ד״ר — 694
טשוזאק ש. — 637
טשערנאבילער נחום (ליאדיער רבי) — 844
טשערניאקאוו, אינזש. — 166, 169, 675, 751—753, 824
טשערניכאוו יוסף, אדוו. — 675, 753—755, 770, 792, 831, 943
טשעריקאווער א. — 750, 865

י

„יבנה" (שול-צענטראלע) — 691
יאברואוו א., ד״ר — 353, 624
יאוויטש גענינ — 537
יאבלאנסקי, קאמענדאנט אין גלובאקע — 641, 643
יאכווער י., אדוו. — 9, 25, 141, 143, 144, 168, 170, 171, 345, 636, 756
יאכעלמאן לייב — 872
יאכעלמאן דוד, ד״ר — 20, 71, 72, 756, 872—881
יאנאווסקי שמואל — 99, 756—758
יאנינאס (פארשטייער פון דער ליטוו. מלוכה) — 51
יאנישעק — 11, 720
יאנאווע — 6, 365
יאסעלעוויטש מ. — 517
יאסעלעוויטש י. — 637
יאסע—רעגערין א. — 731
יאסע ישעיה — 905
יאסע אברהם — 905
יאסע מ. — 1085
יאבוטא, ד״ר — 938
יאשון — 11, 179, 572, 613—615, 636, 638
יאשונסקי יוסף — 241, 675, 712, 758—759
יודעלעוויטש ש. — 339, 1085
„יוניסן" — 16
יורבישעק — 11, 176
„יור" (רעגירונגס-אנשטאלט פאר רעפאטריאנטן) — 56, 59, 67, 83, 84, 86, 87, 89, 90, 91
יורידישע הילף — 25—41, 170—171, 346, 633
יבין ה., ד״ר — 339
„יידנעוקאס" — 734, 735
יידישע באנק — 347
יידישע שול-ארגאניזאציע (יש״א) — 334, 344, 358, 405, 418, 419, 420, 537, 688, 691, 712, 730, 763, 770, 774, 947
יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט (ייוו״א) — 735, 746, 754, 759, 768, 774, 775, 948, 974—975
„יעפס" — 12, 13, 16, 24, 281, 288, 289, 290, 291, 298, 301, 717, 723, 725, 741, 742, 745, 747, 775, 780, 797, 800, 802, 816, 818, 887, 1053, 1054—1060, 1066, 1073, 1077
יעדוואבניק ד., ד״ר — 1092
יעווזעראוו מ. — 2, 44, 46, 128, 130, 139, 141, 142, 167, 202, 208, 235, 239, 245, 269, 612, 613—615, 616, 617, 638, 639, 760—761, 1070, 1077, 1078, 1079, 1095
יעווזעראוו דוד — 760
יעוויע — 11, 178, 613—615, 637
יעווסייעוו, ד״ר — 854, ז. אויך לאנגרער
יעזנע — 11
יעלאווקי—אבעלי — 88
„יעקאפא" — 1053, 1067, ז. אויך ביכערלעגער
„יעקאפא" — גרינדונג 2—7, געשיכטע 7—22, 574—603, 602—612, 616—621, 1069—1083, 1093—1113, קאנפערענצן 611, 622—639, ביבליאגראפיע 963—967, פינאנסיעלע באריכטן 1039—1051, טעטיקייט 1—1116
„יעסאפא" — 775
יערעמיטש — 11
יפה לייב — 2, 4, 43, 596, 670, 901
יפה שמריהו — 633
יצחק אלחנן, קאוונער רב — 401, 406, 479, 839
יצחקי (יצחק וואלק) — 743
יק״א — 12, 13, 18, 19, 23, 98, 99, 139, 141, 146, 147, 152, 153, 155, 160, 163, 164, 165, 166, 171, 172, 173, 174, 287, 341, 347, 399, 414, 461, 476, 626, 628, 629, 635, 706, 708, 713, 714, 715, 716, 721, 726, 739, 745, 753, 757, 758, 762, 769, 775, 776, 778, 788, 789, 800, 809, 814, 816, 818, 819, 893, 896, 918, 961, 963, 1025, 1053, 1070
ישיבות — 699—705
יתומים-פארזארגונג — 202—279, 568—573, 1070

כ

כארוזער — 216
כאזאן ח. — 1079
כאזאן ר. — 733
כאזאנאוויטש יהודה לייב — 793
כארלאפ י. — 345, 348, 570, 765—766
כהן בערנארד, ד״ר — 18, 23, 98, 102, 152, 186, 329, 389, 675, 718, 761—763, 789, 864, 865, 1075, 1076, 1077
כהנמאן, רב — 127, 128, 525

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

כהן ברוך (ווירבילי) — 2, 4, 128, 304, 347, 396, 512, 638, 763—764, 1078, 1085, 1088
כהן שלום — 143, 198, 218, 45, 522, 567, 612, 617, 638, 744—765, 1109, 1113
כהן דוד — 219, 564, 565, 566, 567, 610, 637, 771
כהנשייס יעקב — 639
כהן משה — 639
כהן־סטופעל חיה (כאפיא אבראמאוונא) — 236, 573, 754
כהן ש. י. — 926
כינטשוק ל. — 817
כ״ץ ש., רב — 637
כ״ץ חיים דוד, רב — 453
כ״ץ א. — 1085

ל

לאבינזאן ר. ב. — 824
לאנגבארם אהרן — 2, 4, 141, 167, 234, 245, 351, 356, 634, 638, 639, 766—767, 1070, 1078, 1079
לאזאווסקי ל. — 339, 340
לאנגע־בעקמאן (ווייסער צאציר) — 513
לאנדאנער אוקראינער קאמיטעט (פעדער—פעדעראציע פון די הילפס־ארגאניזאציעס אין ענגלאנד) — 12, 13, 20, 71—72, 106, 146, 147, 173, 178, 257, 628, 879
לאנדאיוסקי, מאיער — 619
לאנדווירטשאפט — 350—351, 706—708, 976—981, 1029—1034
לאנדוי לודוויק — 985, 1038
לאנדמאן אליקום, רב — 638
לאנדער פרידריך יעווסייעוויטש, ד״ר — 857, 859, 860, 861, 942, 943, 944, ז. אויך יעווסייעוו
לאנדווערשעוו — 11, 179, 319, 476, 573, 581, 613—615, 617, 631
לאנדעסקא א., ד״ר. — 17, 139, 718
לאמין א. — 637, 638
לאצקי־בערטאלדי וו. — 754
לאקערמאן שמואל — 769—770
לוב דוד — 860
לובעצקי י. — 637
לובאצקי ר. — 343
לובאצקי ב. — 340, 730, 1085
ליבשיצנסקי יעקב — 409, 410, 635, 639, 770—772
ליבעצקי — 1088
לוטאוויטש ירוחם — 701
לוטאוויטש שמואל — 760
לוטאוויטש ר. — 617, 619, 620
לוצקי — 11, 97, 168, 176, 572, 698
ליניין י. — 637
לינסקי ח. — 330, 444, 453, 767—769
לינק א. מ. — 768
ליסקי משה לייב, רב — 639
ליקאשעוויטש, פראם. (סליסלבורגער פראצעס) — 909
ליבין, פרוי — 1092
ליבאנ א., ד״ר — 1091
ליגע — 6, 11, 45, 62, 61, 111, 121, 195, 217, 225—227, 236, 247, 272, 273, 274, 277, 319, 352, 402, 411, 415, 454, 455, 459, 469, 477, 479, 499, 503, 502, 521, 559, 566, 551, 600, 631, 638, 688, 697, 700, 938, 991, 994, 997, 1030
ליבאס — 11, 127, 129, 131, 132, 142, 168, 176, 178, 179, 185, 186, 198, 199, 200, 201, 204, 407, 505, 508, 512, 515, 516, 551, 553, 562, 568, 613—615, 632, 635, 637, 638, 639, 688, 703, 709, 724, 725
ליבאוויטש ד״ר, רב — 637
ליבאוויטש יצחק — 417
ליבאווסקי מ., קינסטלער — 340, 401
ליבישעק — 11, 613—615, 632, 706
ליבאן — 11, 440, 444, 613—615, 637, 706
ליסחאק א. — 1091
ליסחין א. — 325
ליטוויטש כאבא — 2
„ליסקרעס" — 600
ליכטענשטיין, ד״ר — 595
לין ז. — 637
לינגמאן — 11, 55, 62, 319, 477—479, 525, 573, 613—615, 637
לינסום — 11, 573, 613—615, 637, 638
ליס מ. — 201
ליס ש. — 637
ליסאווסקי, פולקאווניק — 783
ליסאווסקי ב., אינזש. — 144, 345
ליסמאן יוסף — 638
ליסנישעק — 11, 176, 178, 319, 479—480, 566, 613—615, 637, 638, 639
ליפשיץ ברוך מרדכי, רב — 401, 406
לעבעדעוו — 11, 142, 176, 179, 238—239, 319, 480, 572, 638, 639, 688, 697
לעווענדע ווינ־רא — 772, 802
לעווענדע ס., ד״ר — 772
לעווענדע ל. — 772
לעווי, מעלר־ראבינער — 526
לעווים נח אליהו — 430, 431
לעוויטאן יוסף — 449
לעוויטע לעאן — 281
לעווין יוחנן — 84, 639
לעווין ל. ר. — 208, 209, 216
לעווין־עפשטיין — 20, 281, 824—826
לעווין מ., ד״ר — 209, 340, 624, 1091
לעווין שמריהו — 932
לעווין רייצע — 831
לעווין יצחק — 89, 639
לעווין א. — 340
לעווין יעקב, רב — 438
לעווין אלחנן — 448, 449
לעווין ק. — 637
לעווין ת. — 728
לעווין גרשון, ד״ר — 887
לעווינסאן ג. — 216
לעווינסאן אברהם — 772—773
לעווינסאן אליעזר — 639
לעכעוויטש — 700, 778
לעקערט הירש — 930
לעשטשינסקי יעקב — 675, 774—775, 864, 1029
לעשטשינסקי יוסף (י. כמורנער) — 774

מ

מארעל מ. א. — 2, 21, 582, 536, 789, 864
מאוושאוויטש ישראל, רב — 635, 639, 639
מאוז — 593
מאזער אברהם — 775—776
מאגיל חיים לייב — 638
מאזשייעק — 11
מאטוסאוו חיים — 847
מאירהויס מאיר, רב — 407, 409, 410, 425
מאירסאן מאלווינא — 882
מאירסאן בערנארד — 882
מאירסאן עמיל — 19, 98, 139, 141, 714, 776—778, 830, 831—882
מאלארעטשנע — 11, 30, 46, 54, 62, 67, 83—84, 87, 100, 111, 127, 176, 237, 319, 458, 480, 482, 487, 499, 500, 501, 548, 572, 631, 638, 639, 645, 646, 647, 648, 655, 697
מאלטשאר — 319, 482, 567
מאליצט — 11, 179, 613—615, 637
מאליאצקי יעקב דוד — 193, 636, 639, 748, 798
מאליאצקי יצחק — 128
מאסקאוו יהודה לייב — 835
מ״ץ ה. — 1031
מאזוליטשטש — 11
מאצקין לעא — 791
מאקאווער א., ד״ר — 351, 356, 638, 732, 798, 800, 804, 927, 930
מאקאווער וו., אינזש. — 613—615, 638, 639, 905, 1073
מאקאוועצקי, גענ.־מאיאר — 1
מארגאלין מרים — 829
מארגענסוי־קאביביץ — 8, 642, 791
מארקאווסקי משה ראובן — 427
מארעווסקי א. — 787
מארעק פסח (פיאטער) — 910
מארעק מענדל — 910
מארציקאנצע — 11
מארקאוויטש שמואל, רב — 639
מארקאן חיים לייב — 767, 768
מארקיסאן פאני — 925
מויס, רב — 131
מוניק — 975—976
מוסניק אברהם — 760
מוסניק — 11
מוסענזאן נ., רב — 537
מוסקי נ. — 637
מוקאסיי מ. — 269, 270, 778—780
מוקריני א., ד״ר — 788, 853
מיראנאווקע — 176, 706
מוריי, ד״ר — 560
מיס — 270
מיארל — 11, 319, 490—481, 573
מיאר — 87, 237, 238, 319, 481—482, 573, 1110, 1113
מיטשיוער, ד״ר — 904
מיטל־ליטע — 2, 31, 168, 304, 536, 600, 1088
מיטראפאליטאנסקי — 217
מייזל יעקב — 20, 859
מייזל נחמן — 675, 849, 859
מייזל נ. — 1079
מישעגאלע — 11, 176, 179, 319, 482, 572, 610, 613—615, 637, 638, 688, 725, 726, 727
מיכאלישעק — 11, 176, 179, 185—186, 319, 483, 572, 613—615, 637, 638, 785
מיכאלעוויטש ב. — 774
מינאר אסיא — 910, 927
מינאר ז. — 927
מינסק — 11, 16, 53, 83, 84, 127, 129, 133, 134, 139, 445, 447, 457, 562, 581, 583, 584, 604, 608, 613—615, 616, 617, 619, 623, 645, 647, 648, 719, 724, 733, 734, 742, 749, 760, 769, 770, 771
מינץ ש. — 637
מינקאווסקי סאלאמאן — 908
מיעכאו (ווייטשער קאנגרעס) — 505, 507
מיצקין — 11
מיצקעוויטש אדאם — 400, 404, 405
מיקלאשעווסקי י. — 637
מיר — 11, 270, 319, 439, 441, 483—494, 567, 688, 700, 704
מירענגאו, אדוו. — 928
מירסקי ל. — 340
מירסקי ברוך אברהם, רב — 414
מירסקי מיכאל — 909
מישקאווסקי י., רב — 511, 637, 638
„מכבי" — 354, 370

מלאָכה — 351—351, 976—981, ז. אויך פאַך־בילדונג
מלחמה־יאָרן — 1—2, 521—526, 574—594, 640—651, 919—955
מלמד הירש — 345, 348
מלמד זעליג — 675
מעגל ספר גוים — 79—81, 632
מעזעריטש — 11, 176
מעדיצינישע־סאַניטאַרע צענטראַלע — 167, 168, 354—355, 423
מעדיצינישע הילף — 63—65, 240, 258—259, 353—357
מעדיקאַמענטן־לאַגער — 351—353
מעזשיק — 11, 176
מעטאַים יוסף, אינזש. — 743
מעכאַניק י. — 636, 637, 638, 639, 760
מענדעז — 397, 403
מענדעלעוויטש ס. — 637
מערעטש — 11, 179, 434, 612, 613—615, 637, 710
מערעמינסקי י. — 773
מערענער אײַזיק — 326
מערקין אלחנן — 633
„מפיצי השׂכלה" — ז. „אָפּע", גיבלישטעקן
מרדכי בן הלל הכהן — 763
„מקבצת חוליכ" — 64, 354, 356, 357, 375, 442, 625, 730, 772

נ

נאַדעל מ. י. — 349, 1035
נאָוואָגרודעק — 11, 47, 66, 129, 130, 131, 132, 134, 137, 142, 143, 144, 145, 164, 170, 176, 185, 197, 198, 200, 201, 203, 204, 205, 207, 216, 217, 217—225, 226, 234, 235, 236, 239, 264, 266, 267, 270, 271, 273, 274, 277, 291, 307, 318, 319, 322, 331, 353, 397—411, 415, 453, 457, 477, 484, 490, 499, 505, 509, 513, 514, 516, 518, 521, 525, 551, 552, 553, 554, 555, 556, 557, 558, 559, 560, 562, 563, 564, 565, 566, 567, 568, 571, 611, 613—615, 631, 637, 638, 639, 688, 697, 699, 700, 709, 742, 764, 765, 770, 771, 772, 785, 786, 834, 1007, 1010, 1093—1101
נאָוואָיעלניע — 397, 400, 401
נאָוואָמוש — 11
נאָוואָסווערזשען — 11, 566
נאָווידוואָר — 11, 179, 566
נאַטאַן פּויל, ד"ר — 18, 762
נאַטאַנסאָן — 141, 166
נאַליבאָק — 11, 515
נאָזבערג ח. ד. — 755, 770, 792, 947
נאַמיאָט — 429, 430
נאַנסען־קאָמיטעט — 123
נאַפּאָלעאָנס חייל — 1082
נאַציאָנאַליטעטן, אמונות — 991—997
נאָרעק, ראַבינער — 591
ניגער ש. — 749, 789, 901
ניוּוקי — 11
ניי־ווילייקע — 11, 319, 472—473, 484, 573, 581, 582, 583, 584, 638, 639, 658, 697
ניי־סווענציאַן — 6, 11, 30, 53, 54, 62, 67, 74, 89—91, 111, 185—186, 319, 478, 481—486, 521—540, 573, 611, 613—615, 631, 636, 637, 638, 639, 688, 697, 730, 731
ניי־מאַהאַסט — 87, 319, 486—487, 1110, 1112
נעגנעוויטש — 513
נעמיעוש — 11
ניעמענטשין — 11, 176, 179, 319, 572, 613—615, 637
ניעסוויזש — 270, 428, 467, 567
ניקאָלאַיעוו — 11
ניישול א. — 924
נײַשטאָט — 11, 305, 512, 551, 562, 566, 613—615
נײַשטאָט ל. — 176, 204, 266, 675, 780—781
נעקראָלאָגן — 982—984

ס

„סאַיוו נעראַדאַו" — 881
סאַבאַראַוו אַבראַהם, רב — 638
סאָל — 11, 129, 136, 142, 6 ו, 185—186, 204, 319, 487, 552, 572, 613—615, 637, 638, 697
סאַלאַוויטש מייזע — 638
סאַלאָווייטשיק חיים, רב (ר' חיים בריסקער) — 765, 839, 883
סאַלאָוויי מ. — 212, 216, 341
סאַלאָמאָן — 201
סאַלאָמיאַק ש. — 637
סאַלאַנט שמואל, רב — 437
סאַלאַנטער ישׂראל, רב — 837, 839
סאָלעטשניק — 11, 572, 613—615, 637, 638
סאַלץ אַרן — 739
סאַמעלסאָן, ד"ר — 922
סאַניטאַר־מעדיציניש מצב — 967—969
סאַפּענקע — 11
סאַפּיעהאַ לעוו — 412
סאַקאַלאָוו נחום — 883
סאַקאַלאָווסקי זאב — 639, 826
סאַראַססקין זלמן, רב — 417, 419, 423
סגל זאב וואָלף — 413, 414
סגל שלמה — 904
סוגאָסטניק — 11
סוחירסקי דוב, רב — 452
סווירסקי ר. — 612, 637, 638, 639
סווירסקי ז. — 637
סוויר — 11, 179, 319, 487—488, 572, 613—615, 1070
סווענציאַן — 11, 47, 111, 176, 178, 185—186, 268, 272, 307, 319, 350, 354, 407, 453, 462, 470, 477, 478, 484, 487, 488—489, 492, 498, 525, 530, 531, 538, 573, 599, 612, 613—615, 637, 638, 639, 691, 697, 731, 923, 988, 991, 994, 1000, 1070, 1092
סווערזשען — 270, 319, 489—490, 688
סטאַטיסטיק — ז. ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור, עקאָנאָמישע לאַגע, טאַבעלן, אַנקעטעס
סטאַיאַצישעק — 11, 176
סטאַלאָוויטש — 11, 142, 176, 270
סטאָלבצע (סטויבץ) — 11, 85, 270, 319, 481, 489, 490, 567
„סטאַציע קאָנטראָלנע" — 56, 60, 84, 86, 87, 90, 91
סטאַקלישעק — 11, 179
סטאַראָבין א. — 449, 781—782
סטאַראָבינסקי ס. — 847
סטודניצקי וול. — 994—995, 1028, 1038
סטופּעל־כהן — ז. כהן סטופּעל
סטעפּאַנס, ד"ר — 922, 923
סטערניק ר. — 28, 549
סטראַשון י. — 635
סטרוגאַטש א. — 637
סטריזשסקי אַבראַהם — 639
סימאָן דושעמס — 762
סימכאָוויטש רעזשע — 340, 1088
סימעלישעק — 11
סיניאַוקע — 176, 270, 639
סירקין א. ג. — 344
סלאָבאָדקע (בײַ נראָצי) — 11, 50, 466, 548, 549, 550, 552
סלאָנים — 11, 165, 166, 176, 269, 270, 273, 277, 402, 410, 412, 415, 422, 423, 458, 567, 700, 716, 724, 753, 767, 776
סלוצקי ב. — 728
סמאָרגאָן — 11, 46, 64, 69, 70, 91—98, 111, 127, 128, 133, 134, 135, 136, 142, 152, 154, 155, 168, 170, 171, 176, 178, 179, 182, 183, 184, 185—189, 192, 193, 198, 247, 267, 272, 319, 352, 487, 490—491, 548, 573, 631, 632, 635, 638, 639, 648, 697, 770, 778
סמאָרגאָנסקי מ., אַרכיטעקטאָר — 141, 144, 187, 345
סמאָרגאָנער משה — 327
סמילג ע., אַדוו. — 1092
סנאָוו — 11, 270
סענדעל בערנאַרד — 782—784
סענדעלאָוויטש חיים לייב — 532, 535
סעליוב — 11, 65, 142, 613—615, 637
סענאַטאָר ווערנער, ד"ר — 675, 784—785
סעניצקי מ. — 340, 1085
ספּאַסאָוויטש, אַדוו. — 929
ספּיוואַק י. — 744
ספּעקטאָר דוד — 883
סקאָמאַראָווסקאַ רבקה — 851
סקרידלעווע — 176

ע

עוואַקואַציע — 604—605, 1000, ז. אויך הײמלאָזע און רעפּאַטריאַנטן
עדעלשטיין י. — 89
עליאַסבערג — 260, 636
עליאַשבערג גרשון — 198, 360, 638, 639, 785—786
עלקינד מענדל — 786—788
עמיגראַציע — 28—30, 109—136, 260—303, 633—636, 1006—1010, 1054—1060, 1071—1075
„עמיגדירעקט" — 12, 20, 281, 287, 298, 301, 714, 715, 723, 724, 739, 743, 745, 747, 750, 775, 789, 792, 816, 893, 895, 1053
ענגעל, ד"ר — 52, 654
ענדעלמאַן מאָריצי, אַדוו. — 826—827
ענסין ז., רב — 637, 638
עסמאַן חיהלע — 852
עפרויקין י. — 21, 22, 582, 596, 754, 788—790, 792
עפשטיין יחיאל מיכל, רב — 406
עפשטיין חיים — 696
עקאָנאָמישע לאַגע — 451—504, 955—956, 1102—1113, ז. אויך ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור
עקזעקוטיווע פון „יעקאָפּאָ" — 4, 636, 1077—1078, זע אויך „יעקאָפּאָ"
עראינערונגען — ז. זכרונות
ערד־אַרבעט — ז. לאַנדווירטשאַפט, קאָלאָניעס

פּ

פּאַראַבעראַזיע — 11, 179, 319, 490—491, 572, 613—615
פּאַרבראַדי — 6, 11, 111, 176, 179, 259, 260, 319, 355, 492—494, 527, 530, 531, 572, 599, 613—615, 637, 638, 639, 697, 729, 1070
פּאָגראָמען — 7—9, 949 און ווייטער
פּערגוירזי — 176
פּאָרזעלווע — 11, 179
פּערלישעווסקי אברהם — 289, 790, 829, 882—888
פּערלישעווסקי הירש — 882
פּערלישעווסקי זאב — 882
פּערכאַווילע — 1104
פּאָהאָסט — 11, 572
פּאָווזשעכנע שולן — 689, 691—693

פאָזנאַנסקי ד"ר, רב — 843
פאַץ י. — 340
פאַטענסן — 1027—1029
פאַסטער א. — 637
פאַך־בילדונג — 90, 246—249
פאַך־באַרעכטיגונגען — 627
פאָלאַנסקי מ. א., רב — 307, 639
פאָלאַנקע — 11, 270, 319, 494, 567, 637
פאָלאָצק — 46, 83, 87, 742
פאָליאַק בנימין — 908
פאָליטעכנישע קורסן — 340—341
פאָלקסשולן — 96—97, ז. קינסטלערישע פעטיקיס, פאָלקסהייזער, אַנקעט ס
פאָלקסהייזער (ז. פאָלקס־בנינים) — 135, 154, 181—203
פאָמעראַנץ ל. — 637, 639
פאַנאַסישעק — 11, 179, 144, 613—615, 637, 706, 873
פאָפּאָסאָוויץ — 11
פאָסטאַוו — 11, 128, 142, 185—196, 272, 319, 359, 453, 461, 480, 494—496, 573, 613—615, 637, 640, 641, 688, 697
פאָפּולער מעדיצינישע ליטעראַטור — 154
פאַק געלדע — 240
פאַצאָווסקי נתנאל — 430
פאַצאָכסקי מיכל — 430
פאַראַבינאָוויטש — 319, 436, 573
פאַרגשטיין דוד צבי — 813
פאַרגשטיין העסל — 813
פאַריוואַנצק — 176
פערעץ א. 637
פאַרשיידענע מינים הילף — 245—360
פוסטקאַרניק יונה — 449
פוסטשאַרניק דוב — 449
פונעמינצקי איסיראַר — 910
„פונדיישן" — 20, 165, 166, 171, 172, 173, 171, 360, 714, 718, 719, 753, 762—763, 814, 819
פיסקין מיכאל — 86
פיאַלקאָוו חיים — 711
פיגין ח., אַגראָנאָם — 215
פינעל דן — 639
פין ל., רב — 611, 637
פיינבערג ד"ר — 833, 943
פיינלייב מ. — 46, 640, 742, 864
פליישמאַן מ. ג. — 851
פליישמאַן, ד"ר — 851
פיליפּקע (קאַלאָניע) — 705
פילסודסקי יוזעף — 333, 901, 923
פילסודסקי יאַן, אַדוו. — 934
פין ג., ד"ר — 926
פינאַנסיעלע באַריכטן — 1039—1053
פינסקי שמאי — 849
פינקל יהודה — 701
פינקל נטע הירש — 701
פינקעלשטיין עזר, אַדוו. — 2, 4, 670, 790—792, 947
פיעקאַלקעוויטש, פּרעם. — 1032, 1035
פיק ד. — 637
פישל תשרי — 1082
פישער דבורה — 925
פלודערמאַכער ג. — 340, 529, 925, 1085, 1088
פליגאַם הלל — 91
פליטע — 11, 87, 168, 176, 179, 573, 638, 639
„פלענבעוס" — 531
פלענומס פון „יעקאָפּאָ" — 4, 623—624, 1077, 1079 — ז. אויך „יעקאָפּאָ"
פלענסבערג חיים ירמיהו, רב — 896
פלעקסער יעקב, רב — 873
פלעקסער שמואל — 128

פנימאָוויטש יעקב — 905
פערמאַנענטע קורסן — 336—340, 625
פעסקין יעקב — 903
פעסקין שמואל — 872
פעסטערמאַן — 861
פעקלער אברהם — 639, 949
פערעגרער — 11
פערעלמאַן, ד"ר — 356
פערסקי ג. — 610, 637, 638
פערסקי משה, רב — 638, 639
פערעיאַזסקי יעקב — 97
פראָדוקטיווע הילף — 45—46, 351—353
פריזשאַלסקי א. — 827—828
פראָווינץ־באַריכטן — 505—567
פראָווינץ אין די נאָך מלחמה־יאָרן — 953—955
פראָדוקטיווע, קאָנסטרוקטיווע הילף — ז. פאַרשיידענע מינים הילף; איינאָרדנונג; פאַך־בילדונג, לאַנדווירטשאַפט, מלאכה, היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן
פראַנקפורט א. — 925
פראָפעסיאָנעלע בילדונג — 78, 351—353, 976—981
פראָטעקציעס — 1018—1022
פרוג ש. — 698
פרוזשינער אליהו, רב — 836
פרומקין אסתר — 926
פרומקין ב. — 345
פריינד — 17, 98, 156
פריד ש., רב — 214, 613—615, 639, 792—794, 1070, 1074, 1079, 1085
פריידוס יעקב — 737
פריידקס יהודה — 87
פרעבל־קורסן — 340, 625
פרענקל ברוך תאומים — 845
פרענקל ל. אינזש. — 675, 712, 862
פרעסמאַן מכר — 638, 639

צ

צאַנוער חיים — 844
צאַסאָוויטשיק — 217
צבי ר. — 89
צונער, פּעדאַגאָג — 925
צוקערמאַן א. — 928
ציטראָן ש. ל. — 829, 931
ציגלער, ד"ר — 209
ציפקין — 535
צירין — 142, 176
צירקולאַרן (יורידישע) — 39—40
צעמעל י. — 340, 1085
„צענטאָס" (יתומים־פאַרבאַנד) — 15, 24, 741, 743, 802, 1077
צ. ב. ק. (צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט) — 340, 341, 625, 692, 697, 698, 712, 719, 720, 755, 759, 760, 763, 770, 917

ק

קאַבאַק (ביי פאָלאָצק) — 46
קאָבילניק — 12, 176, 319, 496—497, 572, 613—615, 637
קאָרקין מ. — 340
קאַהאַן, ד"ר — 924
קאָוואַרסקי ג. — 4, 60, 130, 139, 141, 347, 611, 614, 617, 619, 621—637, 638, 639, 821, 824, 1070, 1078
קאָוואַרסקי ג. א., ד"ר — 2, 208, 353, 395, 624, 1085, 1089, 1091
קאָוואַרסקי י., ד"ר — 612, 637
קאָוואַרסקי שמעון — 584
קאָוואַרסקי י., אינזש. — 637

קאָוונע — 3, 6, 12, 27, 44, 51, 438, 526, 536, 551, 579, 600, 604, 617, 720, 726, 733, 742, 747, 749, 755
קאָוונער ליטע — 27, 51
קאָזיאַן — 176, 319, 497—499, 573, 697
קאָזלאָווסקי מעטשיסלאַוו, אַדוו. — 930
קאַיאַצקי צבי — 638
קאָלאָניעס לאַנדווירטשאַפטלעכע — 350—351, 706—708, 1031—1032
קאָלטיניאַן — 11, 55, 128, 179, 525, 526, 527, 530, 573, 638, 737, 804
קאַלמאַנאָוויטש אברהם, רב — 86, 639, 701
קאַלמאַנאָוויטש משה — 638
קאַלמאַנאָוויטש ה. — 925
קאַלקון — 88—89, 555
קאַלקער — 861
קאַמאַי — 12
קאַמאַי אברהם הירש — 701
קאַמייקע לעאָן — 20
קאָמונאַלע הילף און צאָלונגען — 267—269
קאַמען — 12
קאַן, ד"ר — 924
קאַן יוזעף, ד"ר — 795
קאָנוואַליסעק — 11
קאַנטאָר ל., ראַבינער — 934
קאָנסומציע — 1034—1036
קאָנסטרוקטיווע הילף — ז. פראָדוקטיווע הילף
קאָנסערוואַטאָריע — 976
קאָנפערענצן פון „יעקאָפּאָ" — 611, 622—639
קאַסטעליאַנסקי ב. — 687
קאַסטעליאַנסקי מ. — 757
קאַפּלאַנער אַדאָלף — 20, 794
קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי דוד — 2, 4, 211, 1091
קאַפּלאַן שלמה — 638
קאַפּלאַן פסח — 429
קאַפּלאַן כ. — 269, 270
קאַפּלינסקי חיים — 415
קאַפּלינסקי הערץ לייב — 427
„קאַפּע" — 728, 734, 744, 745, 850, 851, 853, 861
קאַפּעלאָוויטש יעקב — 87, 634, 638, 639, 737
קאַפּעלאָוויטש ח. — 637
קאָאָפּעראַציע־קורסן — 340—341
קאָאָפּעראַציע — 956—959
קאָאָפּעראַטיווע אַפּטייק — 355—356
ק. פּ. ד. (קאָמיטעט פּאָמאָצי דזיעציאָם—קאָמיטעט צו העלפן קינדער) — 183, 206, 358, 533, 598, 600, 616, 624, 801, 831
קאַץ יוסף ראובן, רב — 88, 636, 638, 639, 663, 791—795
קאַץ ל. — 637
קאַצענעלנבויגן דוד — 720
קאַצענעלסאָן, ד"ר — 587
קאַראַבקאָוו ד. — 817
קאַראַלניק — 569, 570
קאַרגמאַן ג. — 637
קאַריקאַטורן געזעלשאַפטלעכע — 1084—1092
קאָרנאַ לעוזר — 777
קאַרקאַס אברהם, ד"ר — 806
קאַרעליטש — 12, 127, 130, 131, 132, 168, 170, 171, 176, 178, 179, 185, 186, 196—197, 200, 204, 269, 367, 499, 505, 506, 508, 509, 511, 512, 513, 516, 551, 553, 562, 566, 613—615, 632, 636, 637, 638, 639, 725, 764, 765, 785, 786
קאָשעדאַר — 6
קהילות — 981—982
קוביצקי ישראל — 448
קובליס — 11, 87

קולבאַק מ. — 1092
קולטורעלע טעטיקייט — 331—360
קולטור-ענינים — 969—976
קולעס ברוך — 639
קונין א. — 345
קונסט, קונסט-באַוועלטאַסט — 975—976
קופּערשטיין ד. — 698
קורגאַן — 144
קורלאַנטשיק זלמן — 639
קורענץ — 12, 178, 185—186, 319, 499, 572, 613—615, 637, 638, 639, 697, 737, 1070
קיוצעווסקי מ. — 637
קיובערג הירש — 532
קיסעייער גרשון — 666
קיכן פאַר היימלאָזע — 7, ז. היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן
קינדער-פאַרזאָרגונג — 58, 69, 71, 95—96, 184, 188, 205—206, 208, 606, 624, 631, 631
קלאַפּטען צעציליע, ד״ר — 747, 795—797
קלאַפּטען אַלכּסנדר, אינזש. — 796
קלאַץ א. — 637
קלויזנער יוסף, פּראָפ. — 442, 771, 925
קלינטשקין — 517, 518, 519
קליאַנסקי א. — 135, 136, 141, 142, 144, 161, 202, 211, 214, 236, 242, 245, 269, 335, 345, 635, 639, 730, 828—930, 1070, 1078, 1079
קליומעל, ד״ר — 166
קליומעל מענדל — 193, 748, 797—798
קליינשטיין — 1085
קלעבאַנאָוו, אינזש. — 116, 351, 352, 624, 617, 675, 795—800, 927
קליעצק — 700
קלעצקין ב. א. — 751
קעמעלישעק — 11, 122, 499, 573, 688
קענע — 12, 179, 572, 637, 688
קראַל א. ז. — 214, 215
קראַניק משולם — 418
קראַסנע — 12, 51, 83, 185—186, 322, 499, 501, 573, 639
קראַקאָווסקי אַדאָלף — 750
קראַקאָווסקי מ., רב — 407, 505, 508, 510, 836
קראַשין — 12
קרוק אליעזר — 800—802, 1085
קריוויטש — 11, 41, 170, 185—186, 322, 572, 638
קריינין מ., ד״ר — 23, 287, 575, 675, 735, 816, 888—893
קרייסק — 12
קרעדיט-הילף און קאָאָפּעראַציע — 304—305, 346—348, 358, 626
קרעווע — 12, 46, 64, 69, 91, 127, 129, 131, 134, 138, 142, 168, 170, 171, 175, 176, 178, 179, 181—192, 573, 631, 632, 639, 688, 769, 770
קרעמער משה — 793
קרעמער מרדכי — 846
קרעמער יוסף — 846
קרעמענעצקאַ — 831
קרעסטינסקי — 756, 933
קרעסלאַוויקע — 742
קרקע (ייִדישע קאָלאָניע בײַ כערסאָן) — 46, 133, 134, 136

ר

ראַבאַט א., פּראָפ. — 777
ראַבינאָוו ברוך — 638
ראַבינאָוויטש (ווישנעווע) — 133
ראַבינאָוויטש שמואל, רב — 414
ראַבינאָוויטש יצחק — 415, 527
ראַבינאָוויטש א. י. — 532, 535
ראַבינאָוויטש ב. — 637
ראַבינאָוויטש ראָחל — 802—803
ראַבינאָוויטש דוד — 893
ראַגין הירש מאיר — 437
ראַגעל אל. — 637
ראַדאָשקאָוויטש — 12, 54, 62, 83, 100, 111, 322, 501, 572, 592, 595, 631, 632, 634, 639
ראַדון — 12, 66, 178, 185—186, 237, 322, 439, 441, 499—500, 517, 566, 613—615, 637, 638, 700, 1070
ראַדונסקי ישראל — 448
ראַדונסקי אהרן — 448, 449
ראַדין נ. — 927, 936
ראַזאָווסקי אורי — 639
ראַזאָווסקי ש., רב — 637
ראַזאָווסקי ישעיהו — 624, 830—831
ראַזנגאַרטן, אַדוו. — 804
ראַזנבוים ש. — 831
ראַזנבוים יעקב חיים — 893—895
ראַזנהויז דניאל, אַרכיטעקטאָר — 128, 194, 192
ראָזענטאַל מ., ד״ר — 842, 925, 1091
ראַזשאַנקע — 12, 179, 322, 500—501, 566, 639
ראַטניצע — 12
ראַסנער, ד״ר 711
ראַכמילאָוויטש — 583
ראַם דבורה — 401
ראַם, נ., ד״ר — 869
ראַם אליהו — 869, 933
ראַמער מיכאל — 578
ראַפּאַלקעס מ. — 448
ראַפּעס י., ד״ר — 240, 355, 1091
ראַפּאַפּאָרט חיים, רב — 413
ראַקאָוו — 12, 30, 54, 62, 84—96, 87, 111, 179, 322, 443—449, 500, 539—549, 572, 631, 639, 688, 697, 700, 731, 781, 782
„ראַקאָווער עמיגראַנטן" — 28
רובאַשעוו ב., אַדוו. — 9
רובין י., ד״ר — 340, 862, 1088
רובינשטיין יצחק, רב — 8, 33, 34, 168, 390, 506, 583, 781, 794, 805, 831, 896—903, 1078, 1085
רובינשטיין אסתר — 698, 896
רודאַמין — 12, 639
רודזישעק — 12, 322, 449—453, 501, 573, 613—615, 637, 688
רודניק י., רב — 611, 637, 638
רודניצקי גרשון — 525, 526
רודניצקי ר. — 637
רודניצקי א., אַדוו. — 214, 235, 245, 613—615, 630, 639, 803—805, 1078, 1079, 1085
רודענסקי מענדל — 638
רוזענבערג מנחם — 817
רויזנבערג ס., רב — 637, 638
רויטע אַרמיי — 1—2
רוקאַן — 12
ריגער טראַקטאַט — 31, 58
ריוועסמאַן, העדוויגאַ — 925
רייזען זלמן — 340, 801, 1086, 1091, ז. אויך ביבליאָגראַפיע
רימשאַן — 12, 176, 572
רעגיסטראַציע פון מלחמה-היזקות — 6, 39
רעגענסבורג יוסף, ד״ר — 340, 1078, 1085
רעוואָוזקי — 865
רעוויזיאָנס-פאַרבאַנד — 463
רעטשקע — 12
רעליגיעזע שולן — 689, ז. אויך חורב (יבנה, מנורה) און תחכמוני (מזרחי—ועד-התאחדר)
רעקוויזיציע פון תּמיכה — 45, 51—53
רעעמיגראַנטן פון אַרגענטינע — 46—47, 60
רעעמיגראַנטן-פּונקטן — 83—98
רעעמיגראַנטן-אַקציע — 152
רעפּאַטריאַציע — 26—27, 40—108, 632
רעפּראָדוקציעס — X

ש

שאַגאַל צמח, ד״ר — 2, 4, 5, 8, 168, 345, 390, 529, 574, 603, 610, 614, 635, 638, 639, 669, 670, 755, 770, 792, 805, 901, 903—948, 998, 1078, 1085, 1088, 1091, ז. אויך ביבליאָגראַפיע
שאַגאַל זעליק — 903
שאַגאַל בענרעט — 905
שאַגאַל אייוראַר — 906
שאַגאַל פּאַלין — 939
שאַראַוויע — 6
שאַהאַן א. — 242, 571, 864
שאַטענשטיין — 925
שאַליט משה — 1, 2, 4, 20, 43, 46, 129, 130, 134, 139, 141, 142, 151, 154, 156, 164, 166, 167, 171, 181, 208, 235, 239, 242, 245, 269, 281, 304, 331, 335, 340, 345, 346, 390, 424, 596, 612, 614, 619, 621, 624, 635, 636, 638, 639, 672, 697, 705, 711, 769, 792, 821, 830, 831, 925, 941, 1070, 1078, 1079, 1083, 1085, 1091, ז. אויך ביבליאָגראַפיע
שאַלמוק יוסף — 639
שאַלקאָוויטש אברהם (בן-אביגדור) — 429
שאַף מאַקס, ד״ר — 805—806
שאַפּירא ז., רב — 636, 639
שאַפּירא זלמן — 638
שאַפּירא ירמיהו — 1092
שאַצקעס משה, רב — 360, 610, 635, 637, 638, 639, 806
שאַרקאָווששטשיזנע — 12, 87, 142, 168, 176, 572, 688, 697
שוואַרץ זעליק — 638
שוואַרץ, ד״ר — 860
שווייצער דוד — 806—807, 864
שווייצער יעקב (זשאַק) — 80, 90, 154, 186, 807, 864
שוועסטער-שול — 353, 355
שולהיימער משה — 638
שול-בילדונג און דערציאונג פון יתומים — 243—255
שולוועזן — 969—972
שול-מעדיצין — 354, 423
שומעליאַנסקי — 12, 637
שומסק — 12, 948
„שוקרי מלאכה" — 66, 273, 353, 405, 1093—1101
שור ס. — 730, 1088
שושן אשר — 428, 429
שטיינבערג יוזעף, ד״ר — 808
שטיף נחום (בעל-דמיון) — 754, 864
שטעטלעך פון „יעקאָפּאַ"-ראַיאָן — 11—12, 351—504, 566—567, 572—573, 613—615, 637—639
שטערנלעבקיים — 997—998
שטערן ז. — 637, 1058
שטראַשון יצחק — 808
שטראַשונס ביבליאָטעק — 767, 808, ז. אויך ביבליאָטעקן
שטרוק, ד״ר — 509, 517
שטשוטשין — 12, 178, 322, 455, 502—504, 517, 566, 612—615, 637, 688, 697, 801
שיחור חיים — 808—809
שימאַנאָוויטש משה — 193, 410, 638
שיינקין — 771
שיף יעקב — 875
שיפּער יצחק, ד״ר — 289
שירווינט — 12, 179, 613—615, 637
שיסקאַ שמואל — 639

שלאסבערג ה. ב., פראו. — 575, 582, 789
שלום-עליכם — 697, 760
שליוגער אלעקסנדר — 20, 810—811, 1115
שליוגער פאני — 811
שמירס, ד"ר — 355, 1115
שמעוני (ראבין) — 728
שניצקעוויץ — 709
שניאורסאן מענדל — 266, 811—812, 845, 947, 1115
שניאורסאן פישל, פראפ. — 811, 843
שניידערוויטש — 616
שעסקין י. — 1095
שעפטיצקי, גענעראל — 599, 660
שער י. — 340, 1091
שערעשעווסקי רחל — 812—815, 831, 882
שעטעל — 12
שפילפעלצער-קירסן — 340—341
שפילבערג לייב — 831
שפייער פנחס — 644
שריינער אלחנן — 638
שריינער, ד"ר — 937
שרייער ש. — 831
שריפות (אפגעברענטע שטעטלעך) — 360
שרירא ש. — 636, 639

ת

„תרבות" — 334, 415, 419, 688, 692, 697, 698, 773, 776
„תחכמוני" — 691, 692, 698, 699
תלמוד-תורות — 689
תמיכה — 99

הוספה

(צוליב טעכנישע סיבות ניט געקענט אריין
אין גרונט-אינדעקס):

אגראר-רעפארם — 1030, 1031
אויפשטעלונגען — 344, 975—976
אויסבויאונג — 1070
אויסבוי-קאנפערענץ פון ד. ר. ק. — 140—141, 160—161
אויסבוי-קאמיטעט — 142—143
אינוועסטיציע — 1022—1029
אינפארמאציע (עמיגראציע) — 113
אלמנות — 264—265
אמעריקאנער הילף — 959—963, ז. אויך ארא, „דזשוינט", ק. פ. ר.
אמעריקאנער פארטרעטער — 1114, ז. אויך דזשוינט, וכרונות, „יעקאפא"
אנטאקאלער כיל — 341—342
אפטיילונגען — 99—100
ארעמקייט — 1036—1038, ז. אויך עקאנאמישע לאגע, הונגער
אקופאציעס — 1—2, ז. פראווינץ-באריכטן
באלשעוויסטישע מאכט — 1—2, 7
באנק פאר קאאפעראציע — 165—166, 172—174
באפולמעכטיקטע פון „יעקאפא" — 4, 5, 6, 100—101, 131, 135, 142, 202, 306, 608, 611, 1114, ז. אויך ביאגראפיעס, „יעקאפא"
באפעלקערונגס-באוועגונג — 989—1007
באראטונגען וועגן היימלאזע-ענינים — 81—82
בארנאוויטש-סלאנימער ראיאן — 269—271
ביבליאטעק — 342—343, 972—975
ביוראען פאר היימלאזע און רעעמיגראנטן-פונקטן — 83—99, 101
געבורטן — 979
געזעלשאפטלעכקייט — 13—24, 678—687, 1071, 1075—1077, 1080—1081
געזעלשאפטלעכע בנינים — 78—79
דירה פון „יעקאפא" — 1079
דייטשע אקופאציע — 1, 5, 428, 505—518, 584—586
דעלעגאטן פון רעליעפן — 626, 1115
דרייוו — 1080
האנדל — 1010, 1018, 1027, ז. עקאנאמישע לאגע
האנטווערקער, האנטווערקער-קורסע — 1000—1020
הונגער — 203—205, 272, 520, 1102—1113
היפאטעק — 979, ז. אויסבויאונג, יורידישע הילף
וויינשטיין ל. — 1116
ווילנער קהילה — 5, 7—8
זריעה — 350—351
יורידישע ארבעט פאר עמיגראנטן — 115—117
יורידישע קאמיסיע (אויסבוי) — 143, 170—171
יתומים-וואך — 268—269
יתומים-עמיגראנטן — 117
יתומים-קאנפערענץ — 239—243
כלל-סוחר-פראפעסיאנאלן — 673—687
לאנדוי, אגר. — 1116
לערער-צוזאמענפאר — 333—336, 627
מאסן-וואוינונגען — 631
מגורשים, באשטייונג אין די ארעסט-הייזער — 99
מגורשים פון ליסע — 102
עמיגראציע-אמט (מלוכהשער) — 289, ז. אויסלאנד עמיגראציע
עפשטיין רבקה — 1116
עטאלאגן — 49—50
פאלקלאר — 361—453
פארבאנד (יתומים-פארבאנד) פון די צענטראלעס פאר יתומים-פארזארגונג אין פוילן — 266—267, 268, 271
פיטאווסקי, אגר. — 1114
פינקשטיין ש. י., אינזש. — 1115
פנקסים — 311, 314, 326—327, 414, 431—434, 451, 584, 1093—1101
פסח-אקציע — 68, 82
פעלקער קיין רוסלאנד — 123
פערמעס — 350—351
צירקולירן וועגן היימלאזע — 82
צענטראלע קאסע, פאלקסבאנק אין ווילנע — 1069—1070, ז. אויך קאאפעראציע
צרכי צבור — 358
קאאפעראציע — ז. קרעדיט-הילף, אויך אינדעקס ז. 1137
קאנפערענץ (4-טע) — 1079—1080
קאמונאלע הילף — 267—268
קולטור-געזעלשאפטן (סובסידיעס) — 344—345
קרובים-געלטער — 118—122
רעגיסטראציע פון עמיגראנטן — 101—112
רעגיסטראציע פון פאגראמען — 39
רעגירונגס-הילף (ביים אויסבוי) — 168—170
שול-נעץ — 332—333
שול-קינדער — 685—705
שיפס-געזעלשאפטן — 118, ז. אויך עמיגראציע

די פאַרפלייצונגס-קאַטאַסטראָפע.

ביים סאַמע שליסן דעם פנקס קומט אונדז אויס צו פאַרצייכענען אַ נייעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די שטאָט ווילנע און דערהויפּט אַ ריי פונקטן פון דער פיל-געפּרובטער און אויסגעמאַטערטער ווילנער פּראָווינץ אין די טעג פון 23—27 אַפּריל 1931. ס'איז פאַרגעקומען אַ פאַרפלייצונגס-קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון דער געגנט לויט דער גרויזאַמקייט און די צושטערונגס-פאָרמען, וואָס זי האָט אָנגענומען.

די גענויערע פּרטים זיינען באַשריבן אין דער פּרעסע פון יענער צייט.

מיר ווילן דאָ בלויז ברענגען אַ פּאָר טעלעגראַפישע מעלדונגען, וואָס „יעקאַ-פאָ" האָט באַקומען אין יענע טעג:

דיסנע (טעלעגראַפיש). „24 אַפּריל, 15^{55} (געגאַנגען פון גלובאָקע). די שטאָט איז פאַרגאָסן מיט וואַסער. די דווינע האָט זיך פאַראייניקט מיט דער דיסנענקע. די שטאָט איז אַ פאַרטרונקענער אינזל. אַ פּאַניק. מענטשן ראַטעווען זיך דורך די פענסטער אויף לאָדקעס. די היזקות זיינען קאָלאָסאַל".

דרויע (טעלעגראַפיש). „25 אַפּריל, 17^{25}. צוליב דער אומגעהויערער פאַרפלייצונג, וואָס אַזאַ איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דרויע, האָבן 80% פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרלאָזן זייער האָב און גוטס אין וואַסער, זיינען פאַרבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן קיינע שום מיטלען. חוץ דעם האָט די הערשנדע עפּידעמיע פון פלעקטיפוס צוזאַמען מיט דער פאַרפלייצונג פאַרהאַלטן יעדע באַוועגונג. די היזקות זיינען זייער גרויס. ס'איז נויטיק תיכף מאַטעריעלע הילף".

די פאַרפלייצונג האָט קודם-כל גראָד געטראָפן אייניקע פון די פונקטן, וואָס זיינען בכלל אַמסמערסטן רואינירט און זיינען אויסגעשעפּט פון די פריערדיקע קאַטאַסטראָפעס (הונגער, אומגערעכטעניש א. אַז. וו. — ז. אויבן).

רעד.

אויף די חורבות
פון מלחמות און מהומות

פנקס

פון געגנט=קאָמיטעט „יעקאָפּאָ"

אונטער דער רעדאַקציע פון **משה שאליט**
1919 ——— 1930

ווילנע - תרצ"א

הילע·צייכענונג פון פנקס

1331/34

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

פאַרבאַנד

פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן

פּעריאָדישע אויסגאַבעס:

„די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג“

צענטראַל-אָרגאַן פון פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּ. געזעלשאַפטן אין פּוילן

חודש-זשורנאַל, געגרינדעט אין יאָר 1924. אויפלאַגע: 8000 עקז. רעדאַקטאָר א. י. פּראַוואַלסקי

„די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג“	איז געווידמעט די פּראָבלעמען פון דער יידישער קאָאָפּעראַציע אין פּוילן און אַנדערע לענדער.
„די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג“	אינפאָרמירט איבער דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין גאָר דער וועלט.
„די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג“	איז די איינציקע יידישע ווירטשאַפטלעכע צייטשריפט אין גאַנץ פּוילן.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: 12 זלאָטעס יערלעך

אַדרעס: Redakcja „Ruch Spółdzielczy“, Warszawa, Rymarska 6

„פאַרן פאָלק“

פּאָפּולערע קאָאָפּעראַטיווע צייטשריפט, געגרינדעט אין יאָר 1928. — דערשיינט יעדן חודש.

אויפלאַגע: דורכשניטלעך 15.000 עקזעמפּלאַרן.

„פאַרן פאָלק“	באַהאַנדלט אין א פּאָפּולערער פאָרם אַלגעמיין-ווירטשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע ענינים.
„פאַרן פאָלק“	פירט א ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן קאָאָפּעראַטיוון געדאַנק און פאַר דער שפּאָר-אידעע.

פּרייז פון אַן איינצלנעם עקזעמפּלאַר: 10 גראָשן

אַדרעס: Redakcja „Farn Folk“, Warszawa, Rymarska 6

„קאָאָפּעראַטיווער טאַשן-לוח“

דערשיינט פון 1928 אָן יעדן יאָר.

אַנטהאַלט חוץ א וואָכן-קאַלענדאַר און נאָטיץ-בלעטלעך א ספּעציעלן קאָאָפּעראַטיוון לוח מיט אָנווייזונגען פאַר די קאָאָפּעראַטיווע טוער, וואָס זיי דאַרפן דערליידיקן יעדן חודש, אַן אַלגעמיינע און יידישע קאָאָפּעראַטיווע כראָנאָלאָגיע, די קאָאָפּעראַטיווע און באַנק-געזעצגעבונג, אַלגעמיינע און יידישע קאָאָפּעראַטיווע סטאַטיסטיק, רעגולאַמינען פאַר דער אינערלעכער טעטיקייט פון א קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוו, תקנות וועגן שפּאָר-פקדונות, וועקסל- און שטעמפּל-שטייער און פאַרזיכערונגס-פאָרשריפטן, ביאָגראַפיעס פון קאָאָפּעראַטיווע טוער, ציטאַטן פון באַקאַנטע קאָאָפּעראַטיווע שריפטשטעלער און פאַרשיידענע אַנדערע זייער וויכטיקע אַלגעמיינע און קאָאָפּער. אינפאָרמאַציעס.

פּרייז: 2.50 זלאָטעס.

יאָרבוך פון די פאַרבאַנדס-קאָאָפּעראַטיוון

דערשיינט יעדן יאָר פון 1927 אָן.

גענויע סטאַטיסטישע ידיעות און אַנאַליזן פון אַלע פאַרבאַנדס-קאָאָפּעראַטיוון.

פּרייז: 8 זלאָטעס

סטאַטיסטישע ידיעות פון די פאַרבאַנדס-קאָאָפּעראַטיוון

דערשיינט צוויי מאָל א יאָר (אויפן 1-טן יאַנואַר און 1-טן יולי). — פּרייז: 2 זלאָטעס.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Związek Żydowskich Towarzystw Spółdzielczych w Polsce, dział wydawnictw,
Warszawa, Rymarska 6. P. K. O. 24.980.

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

„פאָלקסגעזונט"

אילוסטרירטער צוויי־וואָכיקער פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל פאַר פראַגן פון היגיענע און מעדיצין

אויסגאַבע „טאָז"—„אָזע". ערשיינט אין ווילנע פון יאָר 1923 אָן, 9 יאָר כסדר

אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר **צ. שאַבאַד.** סעקרעטאַר פון רעדאַקציע: **ש. לאַקערמאַן.**

די צילן און אויפגאַבן פון „פאָלקסגעזונט":

1. לערנט ווי זיך צו פאַרהיטן פון קראַנקייטן; 2. לערנט ווי צו האָדעווען און פלעגן זויגקינדער; 3. גיט אַ וויכטיקן אָרט פאַר היגיענע פון דער פרוי און פאַר פראַגן פון געשלעכטלעבן; 4. באַהאַנדלט פראַגן פון פּראָפעסיאָנעלער היגיענע, אייסוואָל פון פּראָפעסיע אָאַז״וו; 5. גיט אין בריוו־קאַסטן תשובות אויף פאַרשיידענע פראַגן; 6. גיט אַ גאַנץ ברייטן אָרט פאַר פראַגן פון געזעלשאַפטלעכער מעדיצין בכלל און יידישן געזונטשוץ בפרט.

די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין „פאָלקסגעזונט":

1. דער בוי און די אַרבעט פון די אָרגאַנען פון מענטשן; 2. היגיענע און דערציאונג פון קינד; 3. קינדער־קראַנקייטן; 4. היגיענע פון דער פרוי; 5. היגיענע פון יחיד; 6. דאָס געשלעכטלעבן; 7. פּראָפעסיאָנעלע היגיענע; 8. היגיענע פון שפּייז; 9. קלעפּיקע קראַנקייטן; 10. אייגנקראַנקייטן; 11. האַרצקראַנקייטן, נערוונקראַנקייטן א״אַ; 12. ווענערישע קראַנקייטן; 13. היגיענע פון הויט און האָר; 14. וויסנשאַפטלעכע פראַגן; 15. געזעלשאַפטלעכע מעדיצין; 16. פאַרשיידענע; 17. ביבליאָגראַפיע; 18. בריוו־קאַסטן (תשובות אויף פאַרשיידענע אָנפראַגן).

מיטאַרבעטער:

ד״ר ז. ביכאָווסקי, ד״ר א. בירזאָווסקי, ד״ר ג. בלאָך, צ.־ד״ר גוסמאַן, ד״ר ל. וויאַלכאַן, ש. ווילקאָוויטש, ד״ר גרשון לעווין, ד״ר י. לייבוגער, ד״ר לייזערעוויטש, ד״ר ה. לעווין, ד״ר מ. לענסקי, ד״ר מילייקאָווסקי, ד״ר ס. פּעקער (וואַרשע); פּראָפ. מ. איינער, ה. אַבראַמאָוויטש, חנה בלאַנקשטיין, ש. באַסטאָמסקי, ד״ר י. גיבער, ד״ר ס. בראַכקאַ, ד״ר א. גאָלדבערג, ד״ר ג. געלמאַן, ד״ר ג. גערשון, ד״ר וויערא גערשון ז״ל, ד״ר א. גלאַזוס, ד״ר מ. גירשאָוויטש, צבי ניסן גאָלאָמב, ד״ר מ. גאָרפיין ז״ל, צ.־ד״ר ר. גירשאָוויסקי, פרוי שׂרה ניעבאָרער, ד״ר ס. יונגרייך, ד״ר א. ווירשובסקי, ד״ר זאַרצין, ד״ר ל. חיים ז״ל, ש. לאַקערמאַן, ד״ר א. ליצאַ, ד״ר א. לידסקי, ד״ר ש. לעוואַנדע, ד״ר מ. לעווין, ד״ר לערענמאַן, פרוי רבקה מאַקאַלאָוויטש, ד״ר י. מינגענבערג, ד״ר מערגענטהעגער, ד״ר וו. פּערלמאַן, ד״ר ה. קאַוואַרסקי, מאַג. פּנחס קאָן, פּראָפ. קאַראַבאַ־קאַרבוט, ד״ר אלכּסנדר קאַפּלאַן, ד״ר ס. ראָזענטאַל ז״ל, ד״ר י. ראַאַקס, ד״ר י. ריטשניק, ד״ר ה. רייזנער, ד״ר י. רעגענסבורג ז״ל, ד״ר צ. שאַבאַד, ד״ר ר. שאַבאַד־גאַווראָנסקאַ, י. שקירדין (ווילנע); ד״ר ס. חון, פרוי שיינע יעלין, ד״ר א. ליבניק (גראָדנע), ד״ר מ. א. ביקעלעס, ד״ר י. מינצער (לעמבערג); ד״ר הערשענהאָרן (לובלין); ד״ר ז. ליכטער (לאָמזשע); ד״ר אַרנסאָן, ד״ר וואָלפסאָן, ד״ר א. באַרגאַליע, ד״ר קליאַטשקאָ, ד״ר א. קרינסקי, ד״ר ש. שיזאַלבע, ד״ר ל. פישמאַן (לאָדז); ד״ר ל. גליבערזאָן, ד״ר ל. יאַקיבסאָן, ד״ר מאַנדעלבוים (פּינסק); ד״ר סעדלעצקי (וואָלקאָוויסק); ד״ר ר. נעקער (אָטוואָצק); ד״ר אל. עטינגער, ד״ר בלומענטאַל, ד״ר בריצקוס, ד״ר א. וויאָלסבערג, ד״ר א. ראָזענטאַל, ד״ר י. רוביי, פּראָפ. ת. שטראַוס (בערלין); ד״ר ב. פּלודי, ד״ר ל. גאָלדשטיין, ד״ר גיטמאַן, ד״ר פינקעלשטיין, ד״ר א. פיק (ליטע); ד״ר ב. הערבסעלד (ריגע); ד״ר י. גאָרדין (דווינסק); ד״ר י. וויינשטעלבוים (קאָוונע); ד״ר בורוויקעל (באַבאַריטש); ד״ר איסערלין (פּאַר־זאַרעץ); ד״ר מ. ליפּשיץ (צוריך); ד״ר כהן, ד״ר וואַס, ב. קאַראַלניק (ירושלים); ד״ר ש. קליינמאַן (באָסטאָן); קאָנג.־מעד. וו. ראַבינאָוויטש (קעניגסבערג); ד״ר שוואַרץ, ד״ר ש. סעמיאַצינסקי (מאָנטרעאַל); ד״ר ח. זילבערמאַן (סאָויסלאַטש); ד״ר א. ברוינג (דינאַבורג); ד״ר צבי יוקאָסטעיסקי (ביאַליסטאָק); א. סאָטנאַוויס (פּאַריז); פּראָפ. מ. גרין, אברהם קאָסיק, נחום שטיף א״א (ראָסלאַוו).

חוץ דעם אַ ריי איבערזעצונגען און קאָמפּילאַציעס פון די אָנגעזעענסטע און באַרימטסטע פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים פון אייראָפּע.

אין משך פון די 9 יאָר איז פון די געדרוקטע מאַטעריאַלן אין „ס״ג" דורך דעם פאַרלאַג „טאָז" (וואַרשע, גענשאַ 43) אַרויסגעגעבן געוואָרן פאָלגנדע בראָשורן:

1. ד״ר צ. שאַבאַד — „זעלבסטשוץ פון מענטשלעכן אָרגאַניזם" און טיילן; 2. ד״ר א. קאַפּלאַן — „היגיענע פון שפּייז"; 3. ד״ר ג. ריטער — „דער באַוועגונג אין די פלעגע פון זויגקינדער"; 4. ד״ר א. גוטמאַן — „ווי אַזוי היט מען זיך פון טובערקולאָז"; 5. ד״ר י. מינגענבערג — „די ערשטע הילף אין אומגליקסצאַלן"; 6. ד״ר ק. מאַרלאַס — „קורצע כּללים פון ערשטער הילף ביז אַ דאָקטאָר קומט"; 7. ד״ר צ. שאַבאַד — „ביכטיזם"; 8. ד״ר צ. שאַבאַד — „סקאַרלאַטין"; 9. ד״ר צ. שאַבאַד — „מאָזלען"; 10. ד״ר ס. רינגלער — „דער קאַמף מיט די הייזער־אינזעקטן"; 11. פּראָפ. קאַראַבאַ־קאַרבוט — „דער קאַמף מיטן שטויב אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן"; 12. פּראָפ. קאַראַבאַ־קאַרבוט — „וואָס איז אַזוינס פּראָפעסיאָנעלע היגיענע"; 13. פּראָפ. ליטאָווסקי — „ווי אַזוי פאַרהיט מען זיך פון וועגערישע קראַנקייטן"; 14. פּראָפ. א. ל. מענדעלסאָן — „אָנאַניזם און דער קאַמף מיט אים"; 15. ד״ר ס. חון — „דאָס לעבן פון דער פרוי". פלוגבלאַט: „וואָס שוואַנגערע פרויען דאַרפן וויסן".

די ווילנער אָפּטיילונג „טאָז" (פריער „אָזע") האָט פון די מאַטעריאַלן פון „ס״ג" אַרויסגעגעבן פאָלגנדע בראָשורן:

1. ד״ר צ. שאַבאַד — „וואָס איז אַזוינס „טובערקולאָז" און ווי אַזוי היט מען זיך פון דעם"; 2. ד״ר י. מינגענבערג — „ווערים אין געדערעם"; 3. דער „פאָלקסגעזונט" פאַר די יידישע קינדער. פלוגבלעטער: א) „ווי פאַרהיט מען זיך פון וועגערישע קראַנקייטן"; ב) „ווי אַזוי צו דערנערן זויגקינדער"; ג) „דער קאַמף מיט מאָזלען".

אַבאָנעמענטס־פּרייז: אַ יאָר — 6 גילדן; אַ ½ יאָר — 3 גילדן; אַ ¼ יאָר — 1.50 גילדן.
אויסלאַנד — 1.50 דאָלאַר.

אַדרעס פאַר בריוו: Red „Folksgezunt", Wilno, W.-Pohulanka 21
פאַר געלט: P. K. O. 80.604 —

פון יאנואר 1931 גייט ארויס דער זשורנאל

ייוואָ-בלעטער

חודש-שריפט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

שטענדיקע אָפּטיילונגען: פילאָלאָגיע (רעדאַקטאָר מ. ווײַנרייך), געשיכטע (רעדאַקטאָר א. טשעריקאָווער), עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק (רעדאַקטאָר יעקב לעשטשינסקי), פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק (רעדאַקטאָר ל. לעהרער), אינפאָרמאַציעס וועגן דער אַרבעט פון ייוואָ און וועגן אויפטוען פון דער וויסנשאַפט אין אַלגעמיין.

אַלע מיטגלידער פון די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס פון ייוואָ און אַ גרויסע צאָל אַנדערע וויסנשאַפטלער זײַנען שטענדיקע מיטאַרבעטער. פאַראַנטוואָרטלעכע קאָלעגיע: מ. ווײַנרייך, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען.

אויסגאַבעס פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

1. פילאָלאָגישע שריפטן, I: לאַנדוי-בוך. XXVIII+412+XVI ספאַלטן גרויס-קוואַרט. ווילנע, 1926. 41 אַרטיקלען, מיט אַ אויספירלעכן קיצור אין ענגליש. פרייז 14 גילדן אין אויסלאַנד 3 דאָלאַר.

2. פילאָלאָגישע שריפטן, II. XXXVI+516+XVI ספאַלטן גרויס-קוואַרט. ווילנע, 1928. 39 אַרטיקלען און נאָטיצן, מיט אַן אויספירלעכן קיצור אין ענגליש. פרייז 20 גילדן.

3. שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, I. [illegible]+324+XVI ספאַלטן גרויס-קוואַרט. בערלין, 1928. 28 אַרטיקלען, מיט אַן אויספירלעכן קיצור אין דײַטש. פרייז 25 גילדן.

4. פילאָלאָגישע שריפטן, III. XXIV+622+XVI ספאַלטן גרויס-קוואַרט. ווילנע, 1929. 42 אַרטיקלען, מיט אַן אויספירלעכן קיצור אין ענגליש. פרייז 26 גילדן.

5. היסטאָרישע שריפטן, I. L+[illegible]+XX ספאַלטן גרויס-קוואַרט. וואַרשע, 1929. 32 אַרטיקלען, מיט אַן אויספירלעכן קיצור אין דײַטש (קורצער אין פּויליש). פרייז 30 גילדן.

6. שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, II. איבער 40 דרוקבויגן.

7. שריפטן פאַר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק, I. איבער 40 דרוקבויגן.

8. פילאָלאָגישע שריפטן, IV. פאָלקלאָר-באַנד, פון די אַרבעטן פון דער פאָלקלאָר-קאָמיסיע פון ייוואָ.

9. היסטאָרישע שריפטן, II. לכּבוד דעם 70-יאָריקן געבוירנטאָג פון ש. דובנאָוו.

10. פילאָלאָגישע שריפטן, V.

ארכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע

ערשטער באַנד VIII+536 זײַטן, קוואַרט. ווילנע, 1930. 73 אַרטיקלען, דאָקומענטן, רעצענזיעס און נאָטיצן, מיט אַן אינהאַלט אין דײַטש, 26 קלישעס. פרייז 25 גילדן.

פנקס

אַ פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר דער יידישער ליטעראַטורגעשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַמעריקאַנער אָפּטייל. באַנד I, 1927—1928. IV+400+IV זײַטן, קוואַרט. ניו-יאָרק, 1927—1928. 64 אַרטיקלען, נאָטיצן, רעצענזיעס. פרייז 3 דאָלאַר. — באַנד II, 1929, העפט 1. 96 זײַטן, קוואַרט. ניו-יאָרק, 1929.

ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייוואָ

באַנד I — 1926. XIV,XII+410+XXIV זײַטן, אָקטאַוו. ווילנע, 1928. פרייז 17 גילדן. באַנד II — 1927. XXIV+528 זײַטן, אָקטאַוו. ווילנע, 1930. פרייז 20 גילדן.

ביבליאָטעק פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

1. פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו: געשיכטע פון חסידיזם. אויפן יסוד פון אָריגינעלע מקורים, געדרוקטע און כתב-ידן. ערשטער באַנד. XVI+276 זײַטן, אָקטאַוו. ווילנע, 1930. פרייז 8 גילדן.

2. די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ. באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, 1908. ווילנע, 1931. XX+[illegible] זײַטן, אָקטאַוו. פרייז 10 גילדן.

3. יוסף פּערלס יידישע כּתבים. אַ) מגלה טמירין. ב) גדולת רב וואָלף מטשאַרני-אָסטראַה. מיט אַ ביאָגראַפישן אַרײַנפיר פון ישראל ווײַנלעס. ווילנע, 1931. XL+[illegible] זײַטן, אָקטאַוו. פרייז 10 גילדן.

4. ד״ר י. שאַצקי: ביבליאָגראַפיע פון יידישע דרוקן. אַ פולשטענדיקע רשימה פון יידישע דרוקווערק פון 16טן י״ה ביז 1850.

ביבליאָטעק פון רעפּראָדוקציעס

ערשטע פּובליקאַציע: מענדל לעפין: „קהלת״: אָריגינעל פירוש/ יידישע איבערזעצונג. פאָטאָגראַפישער איבערדרוק לויט דעם כּתב-יד פון דער יוסף פּערל ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל. געדרוקט אין 350 עקזעמפּלאַרן. ווילנע, 1930. פרייז 17,50 גילדן, 2 דאָלאַר.

י. ל. כּהן: יידישע פאָלקסמעשיות. אויס דעם פאָלקסמויל געזאַמלט. פאָלקלאָר-ביבליאָטעק, נומער 1. ניו-יאָרק — ווילנע, 1931. 205 זײַטן. פרייז — 6 גילדן, פאַר אויסלאַנד 1.25 דאָלאַר.
הויפּט-פאַרקויף אין סעקרעטאַריאַט פון ייוואָ.

ביז אַפּריל 1931 זײַנען אַרויס 10 נומערן פון דער סעריע „אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט״.

אַדרעס:
Żyd. Instytut Naukowy, W. Pohulanka 18, Wilno.

קאָנטעס:
Konto czekowe P. K. O. 81.396: Tow. Przyjaciół
Zydowskiego Instytutu Naukowego, Wilno.

אָדער:
Centralny Bank Ludowy Spółdz. Żydowskich,
W. Pohulanka 5, Wilno.

בײַ געלט-שיקונגען דאַרף מען אויפן קופּאָן פון דער איבערווײַזונג אומבאַדינגט באַצייכענען, אויף וואָס די סומע איז באַשטימט.

קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“, וואַרשע

נאַלעווקי 2-a.

דער קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“, אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אָקטאָבער 1926, האָט זיך פאַרצייכנט אַן אומגעהייערן דערפאָלג. פאַר די פאַר יאָר פון זיין עקזיסטענץ איז געלונגען צוציען צום קאָאָפּעראַטיוו די גרעסטע און סערבסטע יידישע פאַרלאַגן פון פוילן, ווי אויך פון אויסלאַנד. עס זיינען אָנגעשלאָסן אין קאָאָפּעראַטיוו און ס'האָבן איבערגעגעבן דעם אויסשליסלעכן פאַרקויף פון זייערע אַלע אויסגאַבן איבער 30 יידישע פאַרלאַגן, וואָס זיינען די הויפּט-פּראָדוצירער פונם יידישן בוך אין גאַנצער וועלט. אויסער די פאַרלאַגן פון ב. קלעצקין, נעמ. „צענטראַל“ (פאַרלאַג „אחיספר“, ש. שרעבערק, ב. שימין, מ. קאַפּלאַן, „ידיש“, פּראָגרעס א. א.), האָבן זיך פאַראייניקט מיטן „ביכער“ די פאַרלאַגן „טאָמאַר“ (ווילנע), ש. גאָלדפאַרב, מאיר רעקאָוויסקי, „כוח“, „בורעבֿ“, א. שקליאַר, ש. צוקער, י. א. צוקער, „פּיאָנער“, בעלעטריסטן פאַראייניקונג, ליטעראַטן-פאַריין, על המשמר, לילי פרישמאַן, „ייִדיש בוך“ (ווארשע), פאַרלאַגן „וועקער“, „יידיש לעבן“, „מתנות“, „צוקונפט“, „קינדער זשורנאַל“ (ניו-יאָרק), ל. ב. שטיין (שיקאַגאָ), „פאָליקע ביכער“, „אונזער צוקונפט“ (ריגע), „טריאַנגל“ (פּאַריז), „קאָסמאָס“, „ילקוט“ (בערלין), „מוריה“ (ירושלים), ג. קאַפּלאַנסקי, „נייע וועלט“ (בוענאָס-איירעס), „קולטור“ (ווין) א. א.

די וויכטיקסטע ווערק

(קירצער אויסצוג פון קאַטאַלאָג)

		פּרייזן	
		בראָשירט	געבונדן
מענדעלע מ״ס — אַלע ווערק — —	22—1	85.—	110.—
פּרץ י. ל. . . — —	19—1	113.—	155.—
שלום-עליכם . . — —	23—1	168.—	230.—
אַנ-סקי ש. . . — —	15—1	70.—	92.—
[illegible] ש. . . — —	[illegible]—1	93.—	12[illegible].—
דינעזאָן יעקב . . — —	9—1	50.—	70.—
אָפּאַטאָשו י. . . — —	11—1	68.50	93.50
לייוויק ה. . . — —	6—1	24.—	37.50
זינגער י. י. . . — —	4—1	27.50	36.50
רייזען אַבֿרהם . . — —	5—1	39.30	51.—
בערגעלסאָן דוד . . — —	9—1	53.80	74.—
הירשביין פּרץ . . — —	9—1	64.—	85.—
קולבאַק משה . . — —	3—1	15.—	22.—
ראָזענפעלד יונה . . — —	3—1	21.—	28.—
ראַבוי א. . . — —	2—1	17.20	22.—
שניאור ז. . . — —	2—1	16.50	22
קאַציזנע א. . . — —	4—1	26.50	36.—
גלאַזמאַן ברוך . . — —	5—1	41.50	51.—
וואַרשאַווסקי עוזר . . — —	2—1	15.50	20.—
נאַדיר משה . . — —	5—1	31.70	43.—
קאַהאַן ש. . . — —	4—1	42.—	54.—
האַמסון קנוט . . — —	11—1	97.60	123.—
רייזען ז. לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור	4—1	80.—	110.—
פילאָלאָגישע שריפטן מיטן פנקס —	4—1	70.—	100.—
ציטראָן ש. ל. — אַלע ווערק —	11—1	59.—	77.—
בעל מחשבות . . — —	5—1	21.50	32.—
קאַראַלניק א., ד״ר . . — —	5—1	31.—	44.—
דובנאָוו ש., פּראָפ. . . — —	2—1	12.50	17.—
פרישמאַן דוד . . — —	4—1	42.—	52.—
קריטיק-ביבליאָטעק און ליטעראַטור-געשיכטע	11—1	71.—	125.—
גינצבערג י., ד״ר געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן —	3—1	47.—	4[illegible].—
ווייַנרייך מ., ד״ר בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע —	1	12.—	15.—
מייזיל נחמן נאָענט און ווייטע —	2—1	10.—	15.—
לעבעדיקער דער — אַלע ווערק — —	7—1	31.—	40.—
טונקעלער דער . . — —	5—1	25.—	37.—
עטינגער ש., ד״ר . . —	2—1	15.—	17.50
גאָטלאָבער א. ב. . . — —	2—1	15.40	23.—
קאַהאַן ש., פּראָפ. געשיכטע פון מערבֿ-אייראָפּעאישע און גריכישע ליטעראַטורן	4—1	39.50	51.50
גאָרקי מ. — אַלע ווערק — —	15—1	119.—	153.—
פלאָבער ג. . . — —	3—1	25.50	32.—
ראָלאַן ראָמען . . — —	11—1	52.50	65.—
טאָלסטוי ל. נ. . . — —	11—1	80.—	115.—
וועלס ה. די גרויסע וועלט-געשיכטע —	5—1	51.—	62.—
מאַן ט. צויבערבאַרג — — —	4—1	32.—	42.—
ריימאָנט וו. פּויערים — — —	4—1	42.—	51.—
פראַנס א. — אַלע ווערק — —	10—1	70.—	92.—
[illegible] . . — —	8—1	67.—	85.—
קעלערמאַן ב. . . — —	3—1	25.20	33.—
סינקלער א. . . — —	12—1	81.—	105.—
[illegible] ש. . . — —	3—1	16.80	24.—
טאַגאָר רבּ. . . — —	2—1	11.50	16.—
שילער פ. . . — —	4—1	22.—	32.—
איסטראַטי פּ. . . — —	3—1	13.20	23.—

אַדרעס: Spółdz. „BYCHER“, Warszawa
Nalewki 2-a
פאַר געלט אין פוילן: P. K. O. 13.196

ליטעראַרישע — בלעטער

אילוסטרירטע וואָכנשריפט

פאַר

ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט

אַרויסגעבער — ב. קלעצקין.
רעדאַקטאָר — נחמן מייזיל.
(ערשיינט שוין 8 יאָר)

„ליטעראַרישע בלעטער“

זיינען דער צענטראַל-אָרגאַן פון דער יידישער ליטעראַטור און קונסט. אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער קינסטלערישער און טעאַטראַלער וועלט, געפינט זיין אָפּקלאַנג אין די „ליטעראַרישע בלעטער“.

„ליטעראַרישע בלעטער“

דרוקן אין יעדן נומער נאָוועלן, לידער, אַרטיקלען וועגן די וויכטיקסטע ליטעראַטור- און טעאַטער-דערשיינונגען פון דער יידישער און נישט-יידישער וועלט. עס ווערן געבראַכט בילדער און צייכענונגען פון טעאַטער-אויפפירונגען און קונסט-רעפּראָדוקציעס.

די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער האָבן געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ אַרטיקלען, לידער און נאָוועלן:

אַש שלום,
אָפּאַטאָשו יוסף,
אַלכי א.,
בערגעלסאָן דוד,
גאָסעוויטש ר.,
באָריישאָ מנחם,
גאָלאָמבאַן מ. פּראָפ.,
גלאַזמאַן ברוך,
גינזבורג שאול,
גלאַנץ א. (לעיעלעס),
גראָס נ.,
דובנאָוו ש. פּראָפ.,
הילפערין מ. ל.,
הירשביין פּרץ,
האָראָוויץ ב.,
וואַרשאַווסקי עוזר,
ווייכערט מ. ד״ר,
[illegible]ער י.,
ווייַנרייך מ. ד״ר,
וושיסלאָוויסקי ה. ד״ר,

זינגער י. י.,
זרובבל,
ווילנערצווייג ו.,
טשעריקאָווער א.,
טונקעלער,
יהואש,
לייוויק ה.,
ליטוואַק א.,
לערער לייביש,
מייזיל נחמן,
מאַלאַרזשעווסקי קאַרל,
מאַנגער י.,
מאַרקיש פּרץ,
נאַדיר משה,
ניגער ש.,
ניימאַן ר. מ.,
[illegible] מ.,
עריק מאַקס,
פיקס א. ס.,
פינסקי דוד,

פיכמאַן יעקב,
פערלע י.,
פּרילוצקי נח,
צפור י. ב. ד״ר,
צינבערג י. ג.,
צייטלין אַהרן,
קאַציזנע א.,
קעניג לייב,
קאַראַלניק א. ד״ר,
קאַלמאַנאָוויטש ז.,
רייזען אַבֿרהם,
רייזען זלמן,
ראַבוי א.,
ראָזענפעלד יונה,
ראַוויטש מלך,
שאַליט משה,
שיפּער יצחק ד״ר,
שניאור ז.,
שניאורסאָן ס. פּראָפ.,
שאַצקי י. ד״ר א. א.

די ביכער-פּרעמיעס פון די ליטעראַרישע בלעטער האָבן זיך שוין קונה-כה געווען ביי די יידישע לעזער. פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס די „ליטעראַרישע בלעטער“ גיבן זייערע אַבאָנענטן ביכער-פּרעמיעס האָבן די לעזער באַקומען

ראָמען ראָלאַן — זשאַן קריסטאָף,
קנוט האַמסון — בעסטע ראָמאַנען,
לעוו טאָלסטאָי — ווערק,
הערבערט וועלס — וועלט-געשיכטע,
טאָמאַס מאַן — צויבערבאַרג,
מאַקסים גאָרקי — ווערק,
רעמאַרק — אויפן וועג צוריק.

אַבאָנעמענט-פּרייז פון די „ליטעראַרישע בלעטער“ צוזאַמען מיט דער ביכער-פּרעמיע:

	1/1 יאָר	1/2 יאָר	1/4 יאָר
אין פוילן	48 גילדן	24 גילדן	12 גילדן
אין אויסלאַנד . .	10 דאָלאַר	5 דאָלאַר	2.50 דאָלאַר

אַדרעס:

LITERARISZE BLETER, Warszawa, Nalewki 2a

פאַר געלט — אין פוילן — פּ. ק. אָ. 9.958.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

געגר. אין יאר 1908

„היינט“

געגר. אין יאר 1908

עלטסטע און פארשפרייטסטע יידישע מארגן-צייטונג אין פוילן, ערשיינט אין ווארשע ביי דער מיטארבעט פון די באדייטנדסטע יידישע פובליציסטן, פאליטיקער און קינסטלער. דער „היינט“ האט די פרישטע אינפארמאציעס און אייגענע קארעספאנדענטן אין אלע קולטור-צענטערס פון דער וועלט.

אין פארלאג „היינט“ ערשיינען נאך:

„היינטיקע נייס“

טעגלעכע, פאפולערסטע ביליקע צייטונג, האט די גרעסטע אויפלאגע צווישן יידישע צייטונגען אין אייראפע. ערשיינט דריי מאל: פאר ווארשע, דער נאענטסטער און ווייטער פראווינץ.

„האנדלס-וועלט“

איינציקע יידיש-האנדלסבלאט אין פוילן.

„וועלט-שפיגל“

פארביק אילוסטרירטע וואכנבלאט.

אנאָנסן אין די אויסגאבן פון „היינט“ ברענגען די בעסטע רעזולטאטן

רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון פארלאג „היינט“ ווארשע, כלאדנא 8, פאסט פאך 350.
טעלעפאנען: 624—08, 285—30, 634—21, 280—86.

סאציאלע מעדיצין

(פריער „טאָז“-ידיעות)

וויסנשאפטלעכע צייטשריפט פון די געזעלש. „טאָז“ און „אָזע“
פאר פראגן פון סאציאלער מעדיצין און היגיענע ביי יידן
געגרינדעט אין יאר 1928

אונטער דער הויפט-לייטונג פון ד״ר ל. וואולמאן

פאראנטווארטלעכער רעדאקטאר: ש. לאקערמאן

אין דער צייטשריפט נעמען אנטייל:

ד״ר א. אלשוואנגער, ד״ר י. בארנשטיין, ד״ר י. ברוצקוס, ד״ר ר. בעקער,
ד״ר ה. היגיער, ד״ר א. ווירשובסקי, ד״ר גרשון לעווין, ד״ר ש. מינץ,
ד״ר צ. שאבאד, ד״ר י. שיפער, ד״ר ל. שיפמאן, פראפ. ה. שטראוס א. א.

אבאנאמענטס-פרייז: א יאר—5 גילדן; א האלביאר—2.50 גילדן; א פערטליאר—1.50 גילדן.
אין אויסלאנד—א יאר 1 דאלאר; א האלב יאר—60 סענט.

אדרעס: T-wo „TOZ“ Warszawa, Gęsia 43

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

דער
מאָמענט
וואַרשאַ.

ווילט איהר האָבען אַ גרוס
פון דער אַלטער היים?
אַבאָנירט דעם וואַרשאָווער
„מאָמענט"

פאָפולערסטע, פערשפרייטסטע
יודיש - נאַציאָנאַלע טאָג-
צייטונג אין אייראָפּע.

אין „מאָמענט" שפּיגעלט זיך
אָב דאָס לעבען פון אונזערע ברי-
דער יודען פון גאָר דער וועלט.

אַבאָנאָמענטס - פּרייז:

יעהרליך	15 זל.	פערטל-יעהרליך	3.75 זל.
האַלב-יעהרליך	7.50 „	אַ חודש	1.25 „

אַדרעס:
„DER MOMENT", Warszawa.

דער
וואַרשעווער
„מאָמענט"
פאַר
אויסלענדישע
לעזער

פעריאָדישע אויסגאַבעס פון דער געזעל. „אָרט" אין בערלין

„אָרט-ידיעות"
(אין וואַרשטאַט און אויפן פעלד), מאָנאַטלעך.
ארויסגעגעבן פון דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פאַר מלאכה
און ערד-ארבעט ביי יידן „ארט".
אבאָנאַמענטס-פּרייז: אַ יאָר 1,50 מאַרק. איינצל-נומער 15 פעניג.
דערשיינט שוין 7 יאָר.

„ווירטשאַפט און לעבן",
צווייכאָנאַטלעכער זשורנאַל אונטער דער רעדאַקציע פון א. ראזין (בן-עדיר).
ארויסגעבער: פאַרבאַנד „אָרט", בערלין. דערשיינט שוין 4 יאָר.
אַבאָנאָמענטס-פּרייז: אַ יאָר 4½ דייטשע מאַרק, זעקס חדשים 2½ דייטשע מאַרק,
איינצל-נומער 1 מאַרק. —— פאַר מיטגלידער פון „אָרט" 40 פּראָצ. ראַבאַט.
Verband „ORT", Berlin W. 57, Bülowstrasse 90.

אויסגאַבעס פון פאַרבאַנד פון צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פוילן („צענטאָס“)

„אונזער קינד“

חודש-זשורנאַל

געווידמעט די פּראָבלעמען פון פאַרזאָרגונג און שוץ איבער ייִדישע קינדער און יתומים. אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פון צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן.

רעדאַקציע-קאָלעגיע:
א. לעווינסאָן, ל. נייִשטאַט,
א. גאָלדין.

אַבאָנעמענטס-פּרייז:
אַ קוואַרטל — 2.25 זלאָטעס,
אַ נומער 80 גראָשן.

דערשיינט שוין 4 יאָר.

„פשעגליאָנד ספּאָלעטשני“

(אויף פּויליש)

Przegląd Społeczny

מאָנאַטלעכער זשורנאַל געווידמעט די פראַגן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און איפּזיכט איבערן קינד. אָרגאַן פון פאַרבאַנד פון צענטראַלעס פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג אין פּוילן. אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַל-קאָמיטעט פאַר איפּזיכט איבער ייִדישע יתומים אין לעמבערג.

רעדאַקטאָר: ד״ר יוסף קאָן.
Red. „Przegląd Społeczny“
Lwow, ul. Mickiewicza 14.

אַבאָנעמענט-פּרייז:
3 זלאָטעס אַ קוואַרטל.

דערשיינט שוין 5 יאָר.

פון יאָר צו יאָר

אילוסטרירטער געזעלשאַפטלעכער יאָרבוך

אונטער דער רעדאַקציע
פון מ. שאַליט

פערטער יאָרגאַנג. 1929.

פערצן דרוק-בויגן (216 זייטן און 2 באַזונדערע מאַפּעס), 44 אַרטיקלען, 46 טאַבעלן, 20 בילדער און פּאָרטרעטן, 20 רעפּראָדוקציעס און 3 מאַפּעס. אַ רייכער, צום ערשטן מאָל פּובליקירטער, מאַטעריאַל וועגן אַ ריי אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער פּראַקטישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

Związek Towarzystw Opieki nad Sierotami Żydowskiemi
Rzeczypospolitej Polskiej (Centos) Warszawa, Przechodnia 5.

JÜDISCHE WOHLFAHRTSPFLEGE UND SOZIALPOLITIK

ZEITSCHRIFT der Zentralwohlfahrtsstelle der Deutschen Juden und der Hauptstelle für jüdische Wanderfürsorge und Arbeitsnachweise.

ערשיינט יעדן חודש. פּרייז פון אַ נומער 1 מאַרק.

אַדרעס: „Jüdische Wohlfahrtspflege und Sozialpolitik“,
Berlin-Charlottenburg 2, Kantstr. 158.

„OSE-RUNDSCHAU“

(געגרינדעט אין יאָר 1925)

צענטראַל-אָרגאַן פון וועלט-פאַרבאַנד „אָזע“
(אין דייטש)

אַדרעס: „Ose“ — Berlin W 57, Frobenstr 4

„נ״ע פאָלקסצייטונג"

טעגלעך, וואַרשע, געגרינדעט אין יאָר 1925.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: א חודש אין וואַרשע — 6 גילדן, אין פּראָווינץ 5,50 גילדן. פראַנקרייך 20 פר. בעלגיע — 25 פר.

אדרעס:

„N. Folkscajtung" Warszawa,
Nowolipie 7. פ. ק. א. 567.

„וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור קונסט און קולטור"

רעדאַקציע: ד. ב. מאַלקין, י. פּאַט, ח. ש. קאַזדאַן.

אַרויסגעבער: פאַרלאַג „די וועלט", פאַרלאַג „קול-טור-ליגע", געזעלשאַפט „קולטור-ליגע".

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: א ½ יאָר — 5 גילדן;
א ¼ יאָר — 3 גילדן, איינצל-פּאַרקויף 25 גראָשן.
אין אויסלאַנד: א ½ יאָר — 1,20 דאָלאַר;
א ¼ יאָר — 65 סענט. איינצל פאַרקויף 6 סענט.

אדרעס: Warszawa, Nowolipie 7.

„אונזער עקספּרעס"

טעגלעך, וואַרשע, געגרינדעט אין יאָר 1926.

פּרייז 15 גראָשן.

אדרעס:

„Unzer Express" Warszawa.
Nalewki 35. פ. ק. אָ. 14.085.

„ווילנער טאָג"

אומאָפּהענגיקע יידישע צייטונג. געגרינדעט אין יאָר 1919.
ערשיינט טעגלעך
אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רייזען.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: 5 גילדן אַ חודש,
אויסלאַנד 1 דאָלאַר.

אדרעס:

„Wilner Tog" Wilno, Wileńska 16.

„צייט"

טעגלעכע אומפּאַרטייאישע צייטונג, ערשיינט אין ווילנע.
געגרינדעט אין יאָר 1929.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: 5 גילדן אַ חודש,
אויסלאַנד 1 דאָלאַר.

אדרעס:

„Cajt" Wilno, Wielka 39.

„אָוונט-קוריער"

אומפּאַרטייאישע אָוונט-צייטונג, ערשיינט אין ווילנע
אונטער דער רעדאַקציע פון א. י. גראָדזענסקי.
געגרינדעט אין יאָר 1924.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: אַ חודש אָן צושטעלן 2.50 גילדן, מיט צושטעלן 3.50 גילדן, אויסלאַנד 5 גילדן.

אדרעס:

„Owent-Kurjer" Wilno, Rudnicka 7.

„ווילנער ראַדיאָ"

אילוסטרירטע אָוונט-צייטונג

פּרייז 10 גראָשן.

אדרעס:

„Wilner Radjo" Wilno, Kwiatowa 7.

„פרימאָרגן"

טעגלעכע יידישע צייטונג אין לעטלאַנד
געגרינדעט אין יאָר 1926.

רעדאַקציע: וו. לאַצקי-בערטאָלדי, ד״ר י. העלמאַן.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: אַ חודש — 3,25 לאַט.
אַנדערע לענדער — 75 אַמעריק. סענט.

אדרעס:

„Frimorgn" Riga, Dzirnavu iela 57.

„די אידישע שטימע"

גרויסע טעגלעכע צייטונג, ערשיינט אין קאָוונע.
געגרינדעט אין יאָר 1919.

רעדאַקטאָר: ר. רובינשטיין.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: קאָוונע און פּראָווינץ —
8 ליט אַ חודש. א״י, דייטשלאַנד און לעטלאַנד —
8 ליט אַ חודש, איבעריקע לענדער — 18 ליט
אַ חודש. מיט אַ ביילאַגע פון ריגער „פרימאָרגן".

אדרעס:

„Idise Stime" Kaunas, Luksio 12.

„פאָלקסבלאַט"

אומאָפּהענגיקע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טאָג-צייטונג. ערשיינט אין קאָוונע, ליטע.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: פאַר באַלטישע לענדער
און דייטשלאַנד — 60 אַמעריק. סענט, פאַר אַלע
אַנדערע לענדער — 1 אַמעריק. דאָלאַר אַ חודש.

אדרעס:

„Folksblat" Kaunas, Lithuania.
Laisves al. 48.

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות

פּנקס פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ“ אין ווילנע (1919 — 1931)

אונטער דער רעדאַקציע פון **משה שאַליט**

ארטיקלען, זעלבסטשטענדיקע פאָרשונגען, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן

אַ מאָנומענטאַל ווערק אויפן געביט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט

מיט פאָלגנדן הויפּט־אינהאַלט:

1. די צייט, די מענטשן און די אַרבעט. 2. יורידישע הילף. 3. היימלאָזע און רעפּאַטריאַנטן. 4. עמיגראַציע. 5. אויפבויאונג פון די חרוב־געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער און בנינים. 6. פאָלקס־הייזער (בנינים פאַר פאָלקס־שולן). 7. יתומים־פאַרזאָרגונג. 8. עמיגראַציע־אַרבעט זינט דער גרינדונג פון „יעאָס“. 9. גמילות־חסדים־קאַסעס. 10. גמילות־חסדים אין ווילנע. 11. קולטורעלע טעטיקייט. 12. פאַרשיידענע מינים הילף (קאָאָפּעראַציע, לאַנדווירטשאַפט, מלאכה, פּראָדוקטיווע, מעדיציניש און אינדיווידועלע הילף). 13. אונזערע שטעט און שטעטלעך (עטנאָגראַפישע, סטאַטיסטישע און עקאָנאָמישע פאָרשונגען). 14. עקאָנאָמישע לאַגע פון די שטעטלעך אין יאָר 1928 — 1929 (אויספאָרשונגען אין 63 פונקטן אויף די ערטער דורך דעם באַפולמעכטיקטן פון „יעקאָפּאָ“). 15. פּראָווינץ־באַריכטן און זכרונות. 16. ערינערונגען, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. 17. אַנקעטעס וועגן כלל־טוער פּראָפעסיאָנאַלן, וועגן דער צאָל קינדער אין די שולן און אַנדערע (זעלבסטשטענדיקע פאָרשונגען). 18. ביאָגראַפישער לעקסיקאָן (ביאָגראַפיעס, אויטאָביאָגראַפיעס און אויטענטישע מאַטעריאַלן וועגן 106 כלל־טוער, זייער אַרבעט און תקופה). 19. ביבליאָגראַפיע (אַרטיקלען און ביכער וועגן ווילנע און פּראָווינץ אין די יאָרן 1919 — 1929). 20. די ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור פון ווילנער געגנט (מאָנאָגראַפיע). 21. פינאַנסיעלע באַריכטן. 22. אין משך פון דער צייט (גלגולים. דער מצב צום יאָר 1931). 23. געזעלשאַפטלעכע קאַריקאַטורן. 24. פון „יעקאָפּאָ“־אַרכיוו. 25. בעקוועמער אינדעקס פון די עטלעכע טויזנט נעמען, זאַכן און ענינים, וואָס ווערן דערמאָנט אין פּנקס.

אין פּנקס האָבן מיטגעאַרבעט [לויטן א״ב]:

ה. אַבראַמאָוויטש, א. איזוועניצקי, פּ. אַנטאָקאָל, ש. אַנ־סקי, י. באַרנשטיין, אדוו. א. גומענער.
ה. גורוויטש, א. י. גראָדזענסקי, י. וואַלק, י. וויניעצקי, אדוו. י. יאַכוועד, מ. יעווזעראָוו, ש.
כהן, ח. כאַזאַן, הרב י. קאַין, ח. לונסקי, א. סטאַראָבין, ר. בטערניק, א. פעקלער, ש. ל. ציטראָן,
א. קלאַנסקי, ד״ר צ. שאַבאַד, מ. שאַליט און פיל אַנדערע. צייכענונגען **פון** די קינסטלער
ב. זאַלקינד, מ. לייבאָוויטש, י. לעוויט און י. שער.

דער פּנקס אנטהאַלט 50 (פופציק) דרוק־בויגן פון גרויסן פאָרמאַט, געזעצט אויף פאַרשיידענע שריפטן אין 3 שפּאַלטן, צוזאַמען 1200 (טויזנט צוויי הונדערט) שפּאַלטן מיט 86 טאַבעלן און רייך אילוסטרירט מיט 136 קלישעס, בילדער, רעפּראָדוקציעס. פּאָרטרעטן א. א.

דער פּנקס ערשיינט אין צוויי אויסגאַבעס: 1) אויף אילוסטראַציע־פּאַפּיר, געבונדן. 2) אויף געוויינלעכע גוטע פּאַפּיר, בראָשירט

דער פּרייז פון אַן עקזעמפּלאַר פון דער ערשטער אויסגאַבע איז — .45 זל., פון דער צווייטער אויסגאַבע — .35 זל. פאַר פּראָפעסיאָנעלע כלל־טוער, אנגעשטעלטע און פּאָסטע איז דער פּרייז פון אַן עקז. פון דער ערשטער אויסגאַבע 30 זל. און פון דער צווייטער 20 זל. אומזיסט ווערט דאָס בוך קיינעם נישט געשיקט. פּאָרטאָ ווערט צוגערעכנט. אויף אַ נאָכנאַמע ווערט דאָס בוך געשיקט נאָר ביים באַקומען אַן אַוואַנס אין דער גרייס פון אַ העלפט פון פּרייז.

פאַרן בוך קען אויך געצאָלט ווערן אַ העכערער פּרייז: דער עודף וועט גיין אויסן פאָנד פאַר דער ווייטערדיקער הילף־און אויפבוי־אַרבעט פון „יעקאָפּאָ“.

ווענדן זיך לויטן אַדרעס: **Krajowy Komitet Żydowski Pomocy Ofiarom Wojny „EKOPO“, Wilno, ul. W. Pohulanka 5.**

פּ. ק. אָ. 80 312 — טעלעגר. אַדרעס: EKOPO WILNO — טעלעפאָן 626

UPON THE RUINS OF WARS AND TURMOIL

A RECORD (In Yiddish)

of the Committee of „EKOPO" in Wilno (1919—1931)

Edited by M. SHALIT

Articles, original studies, authentic material and documents.

A Monumental Work in the Field of Jewish Social Work

Main Contents:

1. The time, people, and work. 2. Legal help. 3. Refugees and repatriants. 4. Emigration (until the setting up of „Ieas"). 5. Recostruction of the homes and houses wrecked in the war. 6. Public buildings (houses for elementary schools). 7. Care of orphans. 8. Emigration work since the setting up of „Ieas". 9 Small loans societies. 10. Small loans Societes in Wilno. 11. Cultural activities (schools, libraries, central book supply, etc.). 12. Various kinds of relief (cooperation, agriculture, crafts, constructive relief, medical and individual help). 13. Our cities and small towns (ethnographical, statistical and economic studies). 14. Economic conditions of the towns in 1928—1929 (field inquiries of 63 localities through agents of the Ekopo). 15. District reports and memoirs. 16. Reminiscences, interesting cases and documents. 17. Questionary investigation of professional social leaders, school children's censuses etc. (original studies). 18. Biographical lexicon (biographies, autobiographies and authentic material of 105 public men their work and times) 19. Bibliography (articles and books about Wilno and her province in 1919—1929). 20. The economic structure of the Wilno district (monograph). 21. Financial reports. 22. In the couse of years (changes, conditions by the beginning of 1931) 23. Cartoons. 24 From the Ekopo archives 25. Full index of names, subiects and topics referred to in the book.

The following persons have contributed to the book:

H. Abramowich, F. Antowil, Sh. An-ski, I. Bornshtein, Sh. L. Citron, M. Ewzerow, Adw. E. Gumener, H. Gurwich, A. J. Grodzenski, A. Iwenicki, Adw. J. Jochwed, Sh. Kahn, Rab. J. Kac, U. Kilonski, Heiki Lunski, Dr. C. Shabad, M. Shalit, I. Walk and many other.

Illustrations by the following artists:

M. Leibowski, J. Lewit, S. Sher and B. Zalkind

The book will consist of 50 large-sized printed sheets and will be set up in types of three grades, three columns per page, altogether 1200 columns with 86 tables, and copiously illustrated by 136 pictures and drawings, reproductions, portraits etc.

The Record is to be published in 2 editions: 1) on coated paper and cloth-bound; 2) on ordinary good paper and paper-covered.

The price of the „de luxe" edition—6 dollars per copy; the plain edition—4 dollars a copy. For professional social leaders and workers employed in various institutions the prices are: „de luxe" edition—4 dollars, plain edition—2,50 dollars. No free copies available. Postage to be paid by the buyer. The book will be mailed COD if half of the price is prepaid.

Higher prices may be paid for the book: the excess revenue to go toward the Fund for the Continuation of the Relief and Constructive Work of „Ekopo".

Apply to:

Krajowy Kom. Żyd. Pom. Ofiar. Wojny „EKOPO",
Wilno, ul. W.-Pohulanka 5. POLAND.
Tel. 626. Cable address: Ekopo Wilno

Druk. Br. Rozental. Wilno Rudnicka 7.

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG